UNIVERSITY OF ILLINOIS-URBANA
3 0112 098844894

# אננא קארענינא

לעװ טאלסטאי

Digitized by the Internet Archive
in 2022 with funding from
University of Illinois Urbana-Champaign Alternates

https://archive.org/details/annakareninaroma00tols

# אננא קארענינא

ראָמאַן אין אכט טהיילען

פון

## לעוו נ. טאלסטאי

איבערזעצט אוים דעם רוסישען אָריגינאַל

פון

## מ. קאטץ

ערשטער באַנד

RUBIN'S BOOK STORE
HEBREW BOOKS
Jewish Music for Piano and Violin
46 CANAL STREET, NEW YORK

New York

PG
3367
Y5
A6
1900z



לעוו נ. טאָלסטאָי

# 1

אַלע גליקליכע פאַמיליען זיינען עהנליך איינע צו דיא אַנדערע, יעדער אונגליקליכע פאַמיליע איז אונגליקליך אויף איהר אייגענעם אופן.

אין׳ם הויז פון דיא אבלאנסקי׳ס האָט זיך אַלעס צומישט. דיא פרוי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער מאַן האָט געהאט פערבינדונגען מיט דער פראַנצויזישער גאָווערנאַנטקע, וואָס איז געוועזן ביי זיי אין הויז, און זיא האָט ערקלעהרט דעם מאַן, אַז זיא קאָן מיט איהם מעהר ניט וואָהנען אונטער איין דאַך.

שוין דער דריטער טאָג וויא עס ציהט זיך דיא דאָזיגע לאַגע און א מאַטערניס האָבען געפיהלט מאַן און ווייב גופא און אויך אַלע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע און דאָס גאַנצע הויזגעזינד. אַלע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע און דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָבען געפיהלט, אַז זייער צוזאַמענלעבען האָט מעהר קיין זינען ניט און אַז צווישען מענשען, וועלכע קומען זיך צונויף צופעליג אויף אַן אכסניא, איז שוין פאראַן מעהר שיכות, איידער צווישען זיי, צווישען דיא מיטגליעדער און הויזגעזינד פון דיא אבלאנסקי׳ס.

דיא פרוי איז אַ גאַנצען טאָג ניט אַרויסגעגאַנגען פון איהרע צימערען; דער מאַן איז שוין דעם דריטען טאָג צו הויז ניט געוועזן; דיא קינדער זיינען אַרומגעלאָפען איבער׳ן גאַנצען הויז אַזוי וויא פערלאָרענע. דיא ענגלישע באָנע האָט זיך צוקריגט מיט דער עקאָנאָמקע און האָט אָנגעשריבען איהרער אַ פריינדין אַ צעטעלע, בעטענדיג אַז זיא זאָל פאַר איהר אָבזוכען אַ נייע שטעלע; דער קוכער איז נאָך נעכטען אַקוראַט מיטאַג־צייט אַוועק פון שטוב; דיא שווארצע קעכין מיט דעם קוטשער האָבען געבעטען אַן אָברעכענונג.

אויף דעם דריטען טאָג נאָך׳ן צוקריגען זיך האָט דער פירסט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש אבלאנסקי — סטיווא האָט מען איהם גערופען אין געזעלשאַפט — אין דער געוויינליכער שטונדע, דאָס הייסט 8 אַ זייגער אין דער פריה זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף נימ אין׳ם ווייב׳ס שלאָף־צימער, נור אין זיין קאַבינעט, אויפ׳ן לעדערנעם דיוואַן. ער האָט אַ קעהר געטהאָן זיין פולען, אויסגעפּפלעגטען גוף אויף דיא פּרוזשינעס פון דיוואַן אַזוי וויא ער וואָלט וועלען ווידער איינשלאָפען אויף לאַנג; ער האָט פון דער צווייטע זייט פעסט אַרומגענומען דיא קישעלע און האָט זיך צוגעדריקט צו איהר מיט דער באַק; אָבער איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען, האָט זיך געזעצט אויפ׳ן דיוואַן און געעפענט דיא אויגען.

— יאַ, יאַ, וויא איז דאָס געוועזן ? — האָט ער געטראַכט, דערמאָנענדיג זיך דעם חלום — יאַ, וויא איז דאָס געוועזן? יאַ! אלבין האָט געגעבען אַ סעודה

# אננא קארעניננא

אין דארמשטאדט; ניין, ניט אין דארמשטאדט, נור עפּעס אַמעריקאַניש. יאַ, דאַרמשטאַדט איז דאָרט געווען אין אַמעריקאַ. יאַ, אַלבין האָט דאָס געגעבען אַ סעודה אויף גלעזערנע טישען, יאַ — און דיא טישען האָבען געזונגען: איל מיאַ טעזאָרא, און ניין, ניט איל מיאַ טעזאָראַ, נור עפּעס נאָך בעסערעס, און עפּעס קליינינקעס פלעשעלעך, וואָס זיינען אויך געווען פרויענצימער, — האָט ער זיך דערמאָהנט.

סטעפּאַן ארקאדיעוויטש׳ס אויגען האָבען אנגעהויבען פרעהליך גלענצען, און ער האָט זיך פערטראַכט, שמייכלענדיג:

— יאָ, יאַ, ס׳איז געווען גוט, זעהר גוט. דאָרט זיינען געווען נאָך פיעלע וואוילע זאַכען, וואָס מען קאָן מיט ווערטער און מיט געדאַנקען ניט אַרויסזאָגען, אַפילו אויפען וואַהר ווערטשו דאָס ניט אויסדריקען.

און באַמערקענדיג אַ שטרייף ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגען דורך אַ זייט פון איינע פון דיא טוכענע גארדינען, האָט ער פרעהליך אַראָבגעוואָרפען דיא פיס פון דיוואַן, האָט מיט זיי אויפגעזוכט דיא שטעק־שטיך, וואָס זיין ווייב האָט אויסגענעהט (אַ מתנה צו זיין געבורטסטאָג פון לעצטען יאָהר) אייננגע־פּאַסטע און געגילטע סאַפיאַן, און וויא זיין געוועהנהייט איז געווען פאַר דיא לעצטע נייען יאָהר, האָט ער, ניט אויפשטעהענדיג, אויסגעצויגען זיין האנד צו יענעם פּלאַץ, וואו עס איז אין זיין שלאָף־צימער געהאנגען דער שלאָף־ראָק. און דאָ האָט ער זיך פלוצלינג דערמאָנט פאַר וואָס און וויא אַזוי ער שלאָפט ניט אין דער פרוי׳ס שלאָפצימער, נור אין קאַבינעט; דער שמייכעל איז פערשוואונדען פון זיין פּנים, ער האָט געקנייטשט דעם שטערן:

— אָך, אָך, אָך! אָא! . . . — האָט ער געברומט, דערמאָנענדיג זיך אַלעס, וואָס איז געשעהען. און אין זיין פאַרשטעלונג זיינען פאַרגעקומען ווידער אַלע קליינינקייטען פון זיין קריעג מיט זיין ווייב, דיא גאַנצע אונבעהילפליכקייט פון זיין לאַגע, און פיינליכער פון אַלעם וואָס דאָס איז זיין אייגענע שולד.

— יאַ! זיא וועט ניט מוחל זיין און קאָן ניט מוחל זיין, און שרעקליכער פון אַלעם איז דאָס, וואָס שולדיג אין אַלעם בין איך אַליין, שולדיג אין אַלעם אין אַליין, אָבער בין ניט דער שולדיגער. דעריין איז דאָך דאָס דיא גאַנצע דראַמאַ — האָט ער זיך געטראַכט — אָך, אָך, אָך! — האָט ער אונטערגע׳טענה׳ט מיט פערצווייפלונג, עראינערענדיג זיך דיא שווערע איינדריקע פון דער קריגעריי.

אונאַנגענעהמליכער פון אַלעם איז געווען יענע ערשטע מינוט, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון טהעאַטער, אַ פרעהליכער, אַ צופריעדענער, מיט אַ גרויסע באַרנע אין האנד פאַר דער פרוי; ער האָט די פרוי ניט געפונען אין בודואר, האָט זיך פערוואונדערט ווען ער האָט זיא אויך ניט געפונען אין קאַבינעט, און ענדליך האָט ער זיא דערזעהען אין שלאָף־צימער מיט דעם אונגליקליכען צעטעל אין האנד, וואָס האָט אַלעס אויפגעדעקט.

זיא, דיא שטענדיג פערזאָרגטע און פערנומענע, און ניט ־ דערפאהרענע, וויא ער האָט זיא גערעכענט, זיין דאָלי, איז אונבעוועגליך געזעסען מיט׳ן צעטעל אין האנד און מיט דעם אויסדרוק פון שרעק, פערצווייפלונג און צאָרען האָט זיא געקוקט אויף איהם.

# אננא קארעגינא

— וואס איז דאס ? דאס ? — האט זיא געפרעגט, ווייזענדיג אויפ'ן צעטעלע.

און ביי דער דאזיגער עראינערונג, וויא עס פאסירט אפט, האט איהם ניט אזוי פיעל געקריינקט דיא געשעהענים גופא, וויפיעל דאס וואס ער האט אזוי געענטפערט אויף דער פרוי'ס ווערטער.

מיט איהם האט אין יענער מינוט געטראפען דאס וואס עס טרעפט מיט מענשען, ווען מען פאקט זיי פלוצלינג ביי עפעס וואס איז שוין צו שענדליך. ער האט ניט געקענט צוגריימען זיין פנים פאסיג צו דער לאגע, אין וועלכער ער האט זיך איינגעפונען ווען עס האט פאר זיין פרוי זיך אויפגעדעקט זיין שולד. אנשטאט דעם וואס ער זאל זיך בעליידיגען, זאל אבלייקענען, זאל זיך פארענט־פערן, בעטען פערצייהונג, בלייבען זאגאר גלייכגילטיג — אלעס וואלט דאך בע־סער געווען איידער דאס וואס ער האט געטהאן — זיין פנים האט ניט וועלענדיג („רעפלעקסיאנען פון'ם קאפ־מארך" האט א טראכט געטהאן סטעפאן ארקאדיע־וויטש, וועלכער האט ליעב געהאט פיזיאלאגיע), גאר ניט וועלענדיג פלוצלינג א שמייכעל געטהאן מיט זיין געוועהנטען, גוטהערציגען און דארום נארישען שמייכעל.

אט דעם נארישען שמייכעל האט ער זיך ניט געקאנט מוחל זיין. דער־זעהענדיג אט דעם שמייכעל, האט דאללי א ציטער געטהאן וויא פון א פיזישען שמערץ, האט א שאס געטהאן מיט א שטראם פון בייזע ווערטער און איז ארויס־געלאפען פון צימער. פון יענער צייט אן האט זיא דעם מאן ניט געוואלט זעהען.

— דער נארישער שמייכעל איז שולדיג אין אלעס — האט געטראכט סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— אבער וואס זשע טהוט מען ? וואס מהוט מען ? — האט ער א פערצווייפעלטער גערעדט צו זיך און האט ניט געפונען קיין ענטפער.

## 2.

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געווען א וואהרהייטליכער מענש אין בעצוג צו זיך אליין. ער האט זיך גופא ניט געקענט נארען און איינשמועסען זיך, אז ער האט חרטה אויף זיין האנדלונג. ער האט ניט געקענט איצט חרטה האבען אויף דעם, וואס ער, א פיער־און־דרייסיג יאהריגער, שעהנער, לייכט־ליעביגער מענש, איז ניט געווען פערליעבט אין א פרוי, א מוטער פון פינף לעבעדיגע און צוויי טויטע קינדער, וועלכע איז בלויז מיט איין יאהר געווען איגגער פון איהם. ער האט בלויז חרטה געהאט, וואס ער האט ניט געקאנט בעהאלטען פון זיין פרוי. אבער ער האט געפיהלט דיא גאנצע שווערקייט פון אזא לאגע און האט רחמנות געהאט אויף זיין פרוי, אויף דיא קינדער און אויף זיך. עס קען זיין, אז ער וואלט אפשר בעסער געקענט בעהאלטען זיינע זינד פון זיין פרוי, אויב ער וואלט פריהער געוואוסט אז דאס דערוויסען זיך וועט אויף איהר אזויווירקען.

# אננא קאַרענינא

ער האָט דיא דאָזיגע פראגע קיין מאָהל קלאָהר ניט בעטראכט, אָבער איהם האָט זיך טומאנע געדוכט, אַז זיא טרעפט שוין לאַנג אַז ער איז איהר אונ־טריי, און זיא קוקט דערויף דורך דיא פינגער. איהם האָט זיך אפילו געדוכט, אַז זיא, דיא אויסגעמאָגערטע, דיא פאַרעלטערטע, שוין ניט שעהנע פרויענצימער, אָן אייגפאכע, וואָס צייכענט זיך מיט קיין זאַך ניט אויס און איז בלויז א גוטע מוטער פאַר דער פאַמיליע, דאַרף לויט דעם געפיהל פון גערעכטיגקייט האָבען איינזעהענים מיט איהם. און געוויזען האָט זיך גאָר פאַרקעהרט.

— אַך, שרעקליך! אי, אי, אי! שרעקליך! — האָט צו זיך גע׳מענה׳ט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש און האָט קיין זאַך ניט געקאָנט צוטראַכטען — און וויא גוט איז אַלעס געווען ביז אהער, וויא גוט מיר האָבען געלעבט! זיא איז געווען צופריעדען, גליקליך מיט דיא קינדער, איך האָב איהר אין קיין זאַך ניט גע־שטערט, האָב איהר געלאָזען עסק׳ן זיך מיט דיא קינדער, מיט דער ווירטהשאַפט, אַזוי וויא זיא האָט געוואָלט. אמת, עס איז ניט גוט, וואָס „זיא" איז געווען א גאָווערנאַנטין ביי אונז אין הויז. ניט גוט! עס איז דעריין עפּעס נידריגעס, עקעל־דיגעס אין פיהרען ליעבהאַבעריי מיט אַן אייגענער גאָווערנאַנטין. אָבער וואָס פאַר א גאָווערנאַנטין דאָס איז! (איהם האָבען זיך לעבעדיג פאָרגעשטעלט איצט דיא שווארצע, פלומאַוואַטע אויגלעך פון מאַדמאַזעל ראַלאַן און איהר שמייכעל). אָבער וויא לאַנג זיא איז געווען ביי אונז אין הויז, האָב איך זיך דאָך קיין זאַך ניט ערלויבט. און ערגער פון אַלעס איז דאָס, וואָס זיא איז שוין . . . דאַרף זיך דאָס אַלץ אַזוי טרעפען עפּעס וויא מיט א כיון! אי! אי! אי! אָבער וואָס זשע, וואָס זשע טהוט מען?

קיין ענטפער איז ניט געווען, אויסער יענעם אַלגעמיינעם ענטפער, וועל־כען דער לעבען גיט אויף דיא פערוויקעלטסטע און אונלייזבארע פראַגען. דער דאָזיגער ענטפער איז: מען דאַרף לעבען מיט דיא פאָדערונגען פון דעם געגענווער־טיגען טאָג, דאָס הייסט פאַרגעסען זיך. פערגעסען זיך דורך חלומות איז שוין ניט מעגליך, יעדענפאַלס ביז ביינאַכט; ער קען זיך שוין ניט אומקעהרען צו יענער מוזיק, וועלכע עס האָבען געשפּיעלט דיא פלעשעלעך־פרויענצימער; הייסט דאָס מען דאַרף פאַרגעסען זיך אין חלום פון לעבען.

— און ווייטער וועלען מיר זעהען — האָט זיך געזאָגט סטעפאַן ארקאַ־דיעוויטש און אויפשטעהענדיג, האָט ער אָנגעטהאָן דעם גרויען כאַלאַט מיט׳ן בלויען זיידענעם אונטערשלאַג, האָט פערבונדען דיא פרענזלעך אין א קניפּעל, האָט אין זיין אויסגעברייטען ברוסט־קאַסטען אריינגעצויגען גענוג לופט, און איז מיט זיין געוועהנטען דרייסטען טראָט פון אויסגעדרעהטע פיס, וועלכע האָבען אַזוי לייכט געטראָגען זיין פולען קערפּער, צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט אויפ־געצויגען דיא גאַרדינען און האָט הויך א קלונג געטהאָן. אויף דעם קלונג איז באַלד אריינגעקומען דער אַלטער פריינד, דער קאַמער־דיענער מאַטוויי, טראָגענ־דיג קליידער, שיך און א טעלעגראַמע. גלייך נאָך מאַטווייען איז אויך אריינ־געקומען דער צירולניק מיט אַלע כלים צום ראַזירען.

— פון פּריסוטסטוויע (ביוראָ) זיינען פאַראַן פּאַפּיערען? — האָט א פרעגע

# אננא קארענינא

ועטהאָן סטעפּאַן ארקאדיעוויטש, נעהמענדיג דיא טעלעגראַמע און זעצענדיג זיך צום שפּיעגעל.

— אויפ'ן טיש — האָט געענטפערט מאַטוויי, קוקענדיג פראַגליך, מיט־לײדיג אויף זיין פריץ. און ווארטענדיג א ווײלע האָט ער א זאָג געטהאָן מיט א כיטרען שמייכעל: — פון דעם פוהרמאַן ־ בעל הבית געקומען . . .

סטעפּאַן ארקאדיעוויטש האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט בלויז אין שפּיעגעל א קוק געטהאָהן אויף מאַטווייען; פון דעם בליק, מיט וועלכען זיי האָבען זיך בעגעגענט אין שפּיגעל, איז געווען קענטיג, וויא זיי פערשטעהען איינער דעם צווייטען. סטעפּאַן ארקאדיעוויטש'ס בליק האָט אזוי וויא א פרעג געטהאָן: צו וואָס זאָגסטו דו דאָס? ווייסטו דען ניט ?

מאַטוויי האָט אריינגערוקט דיא הענד אין דיא טאַשען פון זיין זשאַקעט, האָט אָבגעשטעלט א פוס און שווייגענדיג, גוטמוטהיג, קוים שמייכלענדיג, האָט ער א קוק געטהאָן אויף זיין פּריץ.

— איך האָב געהייסען קומען זונטאַג, און ביז דאַן זאָלען זיי אייך און זיך ניט בעאונרוהיגען אומזיסט — האָט ער געזאָגט, וויא עס האָט געשיינט, אַן אנגעגרייטע פראַזע.

סטעפּאַן ארקאדיעוויטש האָט פערשטאַנען אז מאַטוויי האָט געוואָלט מאַכען א וויץ און ציהען אויף זיך זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אויפגעריסען דיא טעלעגראַמע, האָט איבערגעלעזען און זיין פּנים האָט אויפגעשיינט.

— מאַטוויי, מיין שוועסטער, אננאַ ארקאַדיעוונא, וועט דאָ זיין מאָרגען

— האָט ער א זאָג געטהאָן, אָבשטעלענדיג אויף א מינוט דעם גאָלערס ווייכע האַנד, וועלכע האָט דורכגערייניגט א ראָזיגען וועג צווישען דיא לאַנגע גרייזעלדיגע באַקען־באָרדען.

— דאַנקען גאָט — האָט געזאָגט מאַטוויי, ווייזענדיג מיט דיזען ענטפער, אַז ער פערשטעהט אויך אזוי וויא דער פּריץ, דיא בעדייטונג פון אזא אָנקומע־ניש, דאָס הייסט, אז אננאַ ארקאַדיעוונא, דיא געליעבטע שוועסטער פון סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, קאָן מיטווירקען צו מאַכען א שלום צווישען מאַן און פרוי.

— אליין אָדער מיט'ן מאַן ? — האָט א פרעג געטהאָן מאַטוויי.

סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט ניט געקאָנט רעדען ווארום דער גאָלער איז געווען פערנומען מיט גאָלען דיא אויבערשטע ליפּ, און ער האָט אויפגע־הויבען איין פינגער. מאַטוויי האָט אין שפּיגעל א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ:

— איינע אליין. פּאַרטיג מאַכען אויבען א צימער ?

— מעלד דאָס דאַריא אלעקסאַנדראָוונא און וואו זיא וועט הייסען...

— מעלדען דאַריא אלעקסאַנדראָוונא ? — האָט מיט א צווייפעל ווידער־האָלט מאַטוויי.

— יא, מעלד, און אָט נעהם דיא טעלעגראַמע, דערלאַנג, וואָס וועלען זיי זאָגען.

— איהר ווילט דאָס הייסען פּרובירען ? — האָט א טראַכט געטהאָן מאַטוויי, האָט אָבער געזאָגט בלויז: איך האָרך.

סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש איז שוין געווען איינגעוואַשען, פערקאַמט און

# אננא קארענינא

האָט זיך געקליבען אָנצוקליידען, ווען מאַטוויי איז אַריינגעגאנגען צוריק לאַנג-זאַם, סקריפּענדיג מיט דיא שטיוועל, און האָט אין האנד געהאַלטען דיא מע-לעגראַמע. דער צירולניק איז שוין אין צימער ניט געווען.

— דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא האָבען געהייסען מעלדען, אַז זיי פאָהרען אַוועק. זאָלען זיי טהאָן אַזוי וויא זיי, דאָס הייסט, וויא איהר, געפעלט — האָט ער געזאָגט, לאַכענדיג מיט דיא אויגען בלויז און האַלטענדיג דיא הענד אין דיא קעשענעס און דעם קאָפּ אָנגעבויגט אויף אַ זייט. סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געשוויגען. דערנאָך האָט זיך אַ מילדער, רחמנות'דיגער שמייכעל בעוויזען אויף זיין שעהנעם פנים.

— האַ? מאַטוויי? — האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— נישטקשה, פּריץ, עס וועט רעכט ווערען — האָט געזאָגט מאַטוויי.

— וועט רעכט ווערען?

— יאַ, מיין הערר.

— אַזוי דיינקסטו? ווער איז דאָס דאָרט? — האָט אַ פרעג געטהאָן סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש, דערהערענדיג הינטערן טהיר דעם רויש פון אַ פרויען-קלייד.

— דאָס בין איך — האָט זיך אָבגערופען אַ פעסטע און אַנגענעהמע פרויען-שטימע, און פון הינטערן טהיר האָט זיך אַרויסגערוקט דער שטרייננגער, געשטופּעלטער פּנים פון מאַטריאָנא פילימאָנאָוונא, דיא ניאַנקע.

— נו, וואָס, מאַטריאָשא? — האָט אַ פרעג געטהאָן סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש, אַרויסגעהענדיג צו איהר.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען לחלוטין שולדיג געגען זיין פרוי און האָט דאָס אַליין געפיהלט, פון דעסטוועגען זיינען אַלע אין הויז, אַפילו דיא ניאַנקע, דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא'ס בעסטער פריינד, געווען אויף זיין זייט.

— נו, וואָס? — האָט ער געפרעגט טרויעריג.

— איהר געהט בעסער אַריבער, מיין הערר, ענטשולדיגט זיך. אפשר וועט גאָט געבען. זיי ליידען נעביך זעהר, א רחמנות צו קוקען, און אַלעס אין הויז איז געוואָרען קיידער-ווידערדיג. אויף דיא קינדער, מיין הערר, דאַרף מען דאָך רחמנות האָבען. ענטשולדיגט זיך, מיין הערר. וואָס קאָן מען מאַכען? אַז מען האָט ליעב צו פאָהרען דאַרף מען ליעב האָבען דיא שליטעלע פיהרען...

— זיא וועט דאָך מיך ניט אויפנעהמען . . .

— איהר טהוט אָבער דאָס אייעריגע; גאָט איז גנעדיג, בעט גאָט, מיין הערר, בעט גאָט.

— נו, גוט, געה — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, פּלוצלינג רויט ווערענדיג — נו, גיב מיר אָנצוטהאָן זיך — האָט ער זיך אַ ווענד געטהאָן צו מאַטווייען און האָט מיט ענטשלאָסענהייט אַראָבגעוואָרפען דעם שלאָפראָק.

מאַטוויי האָט שוין געהאַלטען אָנגעגרייט אַ העמד, צונויפנעהמענדיג זיא ווי אַ כאָמוט און האָט מיט אויגענשיינליכער צופריעדענהייט אַרויפגעטהאָן זיא אויף דעם אויסגעפּפלעגטען גוף פון'ם פּריץ.

# אננא קארענינא

## .3

ווען ער איז געווען אָנגעטהאָן, האָט סטעפאן ארקאדיעוויטש בעשפריצט זיך מיט פערפיום, האָט אויסגעגלייכט דיא ארבעל פון העמד, האָט לויט זיין געוואָהנהייט צולייגט אין דיא טאשען, פאפיראָסען, דעם מייסטער, שוועבעלעך, דעם צווייגער מיט דער דאָבעל־קייטעל און ברעלאָקען, האָט א טרויסעל געטהאָן דיא טאשען־טוך, און האָט זיך געפיהלט ריין, פריש, שמעקעדיג, געזונד און פיזיש פרעהליך, ניט קוקענדיג אויף זיין אונגליק. ער איז ארויסגעגאנגען, א שאָקעל טהאָנדיג זיך אויף יעדען טריט, איז אריין אין עסס־צימער, וואו אויף איהם האָט געווארט קאפעע, און אין איין רייהע מיט׳ן קאפעע, אויך בריעף און פאפיערען פון זיין ביוראָ.

ער האָט איבערגעלייענט דיא בריעף. איין בריעף איז נור געווען אָן אונאנגענעהמער — פון דעם סוחר, וואָס האָט געקויפט דעם וואלד אין זיין פרוי׳ס מאיאָנטעק. דעם וואלד האָט מען געמוזט פערקויפען; אָבער איצט, ביז עס וועט ווערען א שלום צווישען איהם מיט דער פרוי, איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען וועגען דעם. אונאנגענעהמער פון אלעם איז דעריין געווען, וואָס דערמיט האָט זיך פערמישט א געלד־אנגעלעגענהייט אין דעם שלום וואָס ער דארף שליסען מיט דער פרוי. דער געדאנק אז איבער דעם, איבער דער מעגליכקייט צו פערקויפען דעם וואלד זוכט ער צי שליכען מיט איהר פריעדען האָט איהם זעהר געערגערט, בעליידיגט.

ענדיגענדיג דיא בריעף האָט ער זיך גענומען פאר דיא קאנצעלארסקע פאפיערען, האָט שנעל איבערגעבלעטערט צוויי ענינים, האָט מיט׳ן גרויסען בלייפעדער געמאכט איניגע באמערקונגען, האָט אָבגערוקט דיא פאפיערען און האָט זיך גענומען פאר׳ן קאפעע; טרינקענדיג קאפעע האָט ער צועפענט דיא אין־דער־פריהיגע צייטונג און האָט אָנגעהויבען לעזען.

סטעפאן ארקאדיעוויטש פלעגט ערהאלטען און לעזען א ליבעראלע צייטונג, ניט אָן עקסטרעם־ליבעראלע, נור פון יענער ריכטונג, וועלכע האָט פערטראָטען דיא מעהרהייט. און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט זיך אייגענטליך ניט אינטערעסירט ניט מיט פאָליטיק, ניט מיט וויסענשאפט, ניט מיט קונסט, האָט ער זיך פעסט געהאלטען פאר יענע אנזיכטען וועגען דיא דאָזיגע ענינים, וועלכע זיינען געווען דיא אנזיכטען פון דער מעהרהייט און פון זיין צייטונג, און געענדערט האָט ער זיינע מיינונגען נור דאן, ווען דיא מיינונגען פון דער מעהרהייט האָבען זיך געענדערט. אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט זיי קיין מאָהל ניט געענדערט, נאָר זיי האָבען זיך אליין אין איהם געענדערט אונבעמערקטערהייט.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט קיין מאָל ניט אויסגעקליבען ניט קיין ריכטונג, ניט קיין אנשויאונגען, נאָר דיא ריכטונגען און אנשויאונגען זיינען אליין צו איהם געקומען, פונקט אזוי וויא ער האָט ניט אויסגעקליבען דעם פאסאָן פון הוט אָדער פון ראָק, און האָט גענומען דיא, וועלכע מען טראָגט. און

האבען אנשויאונגען איז געווען נויטיג פאר איהם, לעבענדיג אין א בעשטימטער געזעלשאפט, וואו עס פאדערט זיך געדאנקען־טהעטיגקייט; דאס איז איהם געווען אזוי נויטיג אויך, וויא האבען א הוט. און אויב עס איז געווען אן אור־זאכע איבער וואס ער האט בעסער אויסגעקליבען א ליבעראלע ריכטונג אלס א קאנסערוואטיווע, וויא דיא מעהרסטע פון זיין קרייז, איז דאס געווען ניט מחמת דעם ווייל ער זאל איינגעפינען אז דיא ליבעראלע ריכטונג איז פערנינפטיגער, נאר מחמת דעם וואס זיא האט זיך בעסער געפאסט פאר זיין ארט לעבען.

דיא ליבעראלע פארטייען האבען גע'טענה'ט, אז אין רוסלאנד איז אלעס שלעכט, און ווירקליך, ביי סטעפאן ארקאדיעוויטש זיינען חובות געווען פיעל און געלד זעהר ווייניג, עס האט געפעהלט. דיא ליבעראלע פארטייען זאגען, אז הייראטה איז אן אויסגעלעבטע איינריכטונג, אז מען דארף דאס איבערמאכען, און ווירקליך, דאס פאמיליען־לעבען האט סטעפאן ארקאדיעוויטש'ען געבראכט ווייניג פערגעניגען און האט איהם געצוואונגען ליגען זאגען און פארשטעלען זיך, וואס איז געווען אבשטויסענד פאר זיין נאטור. דיא ליבעראלע פארטייען ריידען, אדער בעסער צו זאגען, זיי מיינען, אז רעליגיאן איז נור א צוים פאר דעם בארבארישען טהייל פון דער בעפעלקערונג. און ווירקליך, סטעפאן ארקאדיעוויטש האט ניט געקאנט פערטראגען אהן שמערץ אין דיא פיס אפילו א קורצע תפלה און האט ניט געקענט פערשטעהן, צו וואס זיינען אט דיא אימה'דיגע און שרייענדע ווערטער וועגען א יענער וועלט, ווען מען וואלט געקאנט אויף דער וועלט אויך פערברייינגען זעהר פרעהליך.

און אזוי איז דיא ליבעראלע ריכטונג געווארען א געוואהנהייט פאר סטעפאן ארקאדיעוויטשען, און ער האט געליעבט זיין ציימונג, וויא א סיגאר נאך מיטאג, פאר דעם לייכטען טומאן, וואס זיא האט געמאכט אין זיין קאפ. ער האט איבערגעלעזען דעם לייט־ארטיקעל, אין וועלכען עס האט זיך ערקלערט, אז אין אונזער צייט בעקלאגט מען זיך אומזיסט דערויף, וואס דער ראדיקא־ליזם קען חס־חלילה איינשלינגען אלע קאנסערוואטיווע עלעמענטען און אז דיא רעגיערונג איז כלומר'שט מחויב פארצונעהמען מיטלען צו אונטערדריקען דיא רעוואלוציאנערע הידרא, אז פערקעהרט „לויט אונזער מיינונג ליגט דיא גע־פאהר ניט אין דער זאגענאנטער רעוואלוציאנערער הידרא, נאר אין דער עקשנות פון דיא אלטע טראדיציאנען, וועלכע פערהאלטען דעם פראגרעס“, א. ז. וו.

ער האט איבערגעלעזען דעם צווייטען ארטיקעל, וועגען פינאנס, אין וועל־כען עס ווערט דערמאנט וועגען ב ע נ ט א ם און וועגען מילל, און אונטערגעלא־זען שטעכווערטלעך דער מיניסטערסטווע. ער האט מיט זיין אייגענטהימליך שנעלען נאכדיינקען פערשטאנען דיא בעדייטונג פון יעדען שטעכ־ווערטעל: פון וועמען, געגען וועמען און איבער וואס אזא שטעכעלע איז אנגעווענדעט. און דאס האט איהם, וויא אימער, פערשאפט א ביסעל הנאה. אבער היינט איז דיא הנאה פערגיפטעט געווארען מחמת דיא עראינערונגען וועגען מאטראנא'ס עצות און וועגען דעם וואס אין הויז איז ניט וויא עס דארף צו זיין.

ער האט געלעזען ווייטער וועגען דעם וויא דער גראף ב ע י ס ט, וויא

# אננא קארענינא

עס לאָזט זיך הערען, איז דורכגעפאָהרען וויסבארען, ווענען דעם אז ס'זיינען שוין מעהר ניטאָ קיין גרויע האָאר און ווענען א לייכטע קארעטע וואָס ווערט פער־קויפט און ווענען א פארשלאג פון א יונגער פערזאָן; נאָר דיא אלע אויסקינפטע האָבען איהם ניט פערשאַפט, אזוי וויא פריהער, קיין שטילען, איראָנישען פער־גניגען.

ווען ער האָט געענדיגט דיא צייטונג, א צווייטע טאסס און דעם קוילעטש מיט פוטער, איז ער אויפגעשטאנען, האָט אראָבגעטרויסעלט דיא ברעקלעך פון וועסט און אויסשטעלענדיג ברייט דיא ברוסט, האָט ער מונטער א שמייכעל גע־טאָהן, ניט דערפאר ווייל איהם אויפ'ן הארצען זאָל עפּעס זיין בעזונדער אנגע־נעהם — דער מונטערער שמייכעל איז געקומען פון גוטע שפּייז־פערדייאונג.

אָבער דער מונטערער שמייכעל האָט איהם באלד דערמאָנט ווענען אלעס ווידער און ער האָט זיך פערטראכט.

פון הינטער דער טהיר האָבען זיך דערהערט צוויי קינדערשע שטימען. סטעפּאן ארקאדיעוויטש האָט דערקענט דיא שטימע פון גרישא, זיין קלענערער אינגעל און פון טאניא, זיין עלטערע מיידעל. זיי האָבען עפּעס געפיהרט און פערלאָרען.

— איך האָב דאָך געזאָגט, אז מען טאָר דיא פאסאזשירען ניט זעצען אויפ'ן דאך — האָט געשריען אויף ענגליש דיא מיידעלע — איצט קלייב זיי אויף!

— אלעס האָט זיך צומישט — האָט א טראכט געטאָהן סטעפּאן אר־קאדיעוויטש — אָט לויפען דיא קינדער אליין ארום.

און צוגעהענדיג צו דער טהיר האָט ער זיי א רוף געטאָהן. זיי האָבען א ווארף געטאָהן דיא שקאטולקע, וועלכע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א צוג און זיינען אריין צום פאָטער. דיא מיידעלע, דעם פאטער'ס ליעבלינג, איז אריינגע־לאָפען דרייסט, האָט איהם אומארעמט און לאכענדיג איז זיא געבליבען הייננען ביי איהם אויפ'ן נאקען, הנאה האָבענדיג וויא אימער פון דעם בעקאנטען ריח פון פערפיום, וועלכער האָט זיך געלאָזט הערען פון זיין באָרד. ענדליך האָט זיא איהם א קוס געטאָהן אין פּנים, וועלכער איז געוואָרען רויט פון אָנבויגען זיך און האָט געשיינט מיט צערטליכקייט, האָט צונומען דיא הענדלעך און האָט שוין געוואָלט לויפען צוריק, אָבער דער פאטער האָט זיא אָבגעהאלטען.

— וויא איז מאמא? — האָט ער א פרעג געטאָהן, פיהרענדיג מיט דער האנד איבער דער גלאטער, צארטער העלזעל פון זיין טאָכטער — גוט־מאָרגען — האָט ער א זאָג געטאָהן צושמייכלענדיג דעם בעגריסענדען אינגעלע.

ער האָט געשפּירט, אז ער ליעבט דעם אינגעלע ווייניגער, און האָט זיך אלע מאָהל בעמיהט צו בענעהמען זיך צו זיי גלייך; אָבער דער אינגעלע האָט דאָס געפיהלט און האָט ניט געענטפערט מיט קיין שמייכעל אויף דעם קאלטען שמייכעל פון פאטער.

— דיא מאמא? זיא איז אויפגעשטאנען, — האָט געענטפערט דיא מיידעלע.

סטעפּאן ארקאדיעוויטש האָט זיך אָבגעזיפצט: הייסט דאָס אז זיא האָט ווידער ניט געשלאָפען דיא גאנצע נאכט — האָט ער א טראכט געטאָהן.

# אננא קארעינא

— וויא איז זיא, פרעהלאך?

דיא מיידעלע האט געוואוסט, אז צווישען טאטען און מאמען איז פארגע־קומען א קריג און אז דיא מאמע קאן ניט זיין פרעהלאך, און אז דער טאטע דארף דאס אליין וויסען, און אז ער מאכט זיך בלויז ניט וויסענדיג, פרעגענדיג וועגען דעם אזוי לייכט. און זיא איז רויט געווארען פאר'ן פאטער. ער האט דאס גלייך פערשטאנען און איז אויך רויט געווארען.

— איך וייס ניט — האט זיא געזאגט — זיא האט ניט געהייסען לעהר־נען זיך, נור האט אונז געהייסען געהן מיט מיסס הול צו דער באבען.

— נו, געה, טאטשוראטשקע מיינע. אך, יא,ווארט — האט ער גע־זאגט אבהאלטענדיג זיא און גלעטענדיג איהר צארטע הענטעל.

ער האט אראבגענומען פון קאמין א שאכטעל קאנפעקטען, וועלכע ער האט נעכטען אוועקגעשטעלט, און האט איהר געגעבען צוויי, אויסקלייבענדיג דיא וואס זיא ליעבט, שאקאלאדנע און פאמאדנע.

— גרישען? — האט דיא מיידעלע געזאגט, ווייזענדיג אויף דעם שא־קאלאדנעם קאנפעקט.

— יא, יא — און א גלעט טאהנ'דיג איהר פלייצקע האט ער איהר א קוס געטאהן אין קאפ, אויפ'ן נאקען און האט זיא אבגעלאזען.

— דיא קארעטע איז פארטיג — האט געזאגט מאטוויי — און א בע־טערין ווארט.

— שוין לאנג? — האט א פרעג געטאהן סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— ביי א האלבע שטונדע.

— וויפיעל מאהל האט מען דיר געהייסען זאלסט גלייך מעלדען!

— דארף מען דאך אבער לאזען אייך לכל הפחות קאפעע אבטרינקען — האט געזאגט מאטוויי מיט יענעם פריינדליך־גראבען טאן, אויף וועלכען מען קאן ניט אין כעס ווערען.

— נו, בעט אריין שוין גיכער,—האט געזאגט אבלאנסקי, קנייטשענדיג דעם פנים פון פערדרוס.

דיא בעטערין, שטאבס־קאפיטאנשע קאלינינא, איז געקומען מיט א בקשה וואס איז אונמעגליך און וואס איז אהן א טאלק; אבער סטעפאן ארקאדיעוויטש, וויא זיין געוועהנהייט איז געווען, האט זיא געבעטען זיצען, האט אויפמערקזאם, ניט איבערשלאגענדיג, אויסגעהערט זיא און געגעבען איהר א גענויע עצה, צו וועמען און וויא אזוי זיא דארף זיך ווענדען, און האט אפילו לעבעדיג און גלאט, מיט זיין קלאהרע, שעהנע האנדשריפט אנגעשריבען איהר א צעטעלע צו יענער פערזאן, וועלכע דאט איהר געקאנט העלפען. אבלאזענדיג דיא שטאבס־קאפי־טאנשע, האט סטעפאן ארקאדיעוויטש גענומען דיא הוט און האט זיך אבגעשטעלט, דערמאנענדיג זיך צו האט ער עפעס ניט פארגעסען. עס האט זיך ארויסגע־שטעלט, אז ער האט גארנישט פארגעסען, א חוץ דאס וואס ער האט געוועלט פארגעסען — זיין פרוי.

— אך, יא! — ער האט אראבגעלאזען דעם קאפ, און זיין שעהנער פנים האט אנגענומען א ביינקענדען אויסדרוק — געהן אדער ניט געהן? — האט ער

זיך געפרעגט. און אן אינערליכע שטימע האט צו איהם גערעדט, אז מען דארף נ ט געהן, אז אויסער פאלשקייט קאן דא קיין זאך ניט זיין, אז פערריכטען, אויסבעסערן זייערע בעציהונגען איז אונמעגליך, ווארום עס איז דאך אונמעגליך צו מאכען זיא ווידער אנציהענד און זיא זאל ערוועקען ליעבע אדער מאכען זיך פארעלטערט און אונפעהיג צו ליעבען. אויסער פאלשקייט און ליגען, האט איצט גארנישט געקאנט ארויסקומען; און פאלשקייט און ליגען איז געווען אבשטויסענד פאר זיין נאטור.

— אבער מען וועט דאך אמאל מוזען; עס קאן דאך אזוי ניט פערבלייבען — האט ער געזאגט צו זיך, אום צו געבען זיך אליין מעהר מוטה. ער האט אויסגעגלייכט זיין ברוסט, האט ארויסגענומען א פאפיראס, האט פעררויכערט, האט א בלאז געטאהן צוויי מאהל דעם רויך, האט אריינגעווארפען דעם פאפיראס אין אש טעשעל, איז מיט שנעלע טריט דורכגעגאנגען דעם בודואר און האט געעפענט דיא צווייטע טהיר אין זיין פרוי'ס שלאפצימער.

## 4.

דאריא אלעקסאנדראוונא איז געשטאנען אין איהר יאקעל מיט דיא שימערע צעפ פון אמאל געוועזענע געדיכטע און שעהנע האאר צוגעשטאכען צום פאטיליצע, מיט איהר אבגעלאזענעם, אויסגעמאגערטען פנים און גרויסע, צושראקענע אויגען, צווישען זאכען צואווארפענע איבער'ן צימער, און האט געהאלטען אין ארויסנעהמען עפעס פון אפענעם שיפאניער. דערהערענדיג דעם מאנ'ס טריט, האט זיא זיך אבגעשטעלט קוקענדיג אויף דער טהיר און אומזיסט וועלענדיג צוגעבען איהר פנים א שטרייגגען און פעראכטענדען אויסדרוק. זיא האט געפיהלט, אז זיא האט פאר איהם מורא און האט מורא פאר דעם צוזאמענטרעפען זיך.

זיא האט איצט געוואלט טאהן דאס וואס זיא האט שוין צום צעהנטען מאהל פערזוכט צו טאהן אין דיא דריי טעג: אבנעהמען דיא קינדערשע און איהרע זאכען, וועלכע זיא וועט אוועקפיהרען צו איהר מוטער, און האט ניט געקאנט דערויף בעשליסען זיך; אבער אויך איצט, אזוי וויא פריהער, האט זיא זיך אלץ געזאגט, אז דאס קאן אזוי ניט בלייבען, אז זיא דארף וואס עס איז אונטערנעהמען, בעשטראפען איהם, באשעהמען איהם, ראכע נעהמען, בעשטראפען לכל הפחות מיט א קליינעם טהייל פון יענעם שמערץ, וועלכען ער האט איהר פערשאפט. זיא האט זיך נאך אלץ געזאגט, אז זיא וועט אוועקפאהרען פון איהם, אבער זיא האט געפיהלט, אז דאס איז אונמעגליך; דאס איז געווען אונמעגליך דערפאר, ווייל זיא האט זיך ניט געקאנט אבגעוועהנען פון צו רעכענען איהם פאר איהר מאן און פון ליעבען איהם.

א חוץ דעם האט זיא געפיהלט, אז אויב דא, אין איהר הויז, האט זיא קוים געקאנט בעוויזען צו בעזארגען אלעס נויטיגע אין דער ערציהונג פון איהרע פינף

קינדער, וועט דאָך זיי נאָך ערגער זיין דאָרט, וואוהין זיא וועט מיט זיי אַלעמען פאָהרען. דער קלענסטער איז שוין אזוי אויך אין דיא דריי טעג קראַנק געוואָרען דערפון, וואָס מען האָט איהם אָנגעקאָרמעט מיט שלעכטען בוליאָן, און דיא איבעריגע זיינען נעכטען געבליבען גאָר בייגאַהע אָהן מיטאַג. זיא האָט געפיהלט אַז אוועקפאָהרען איז אונמעגליך; נור נארענדיג זיך האָט זיא פון דעסטוועגען אָבגעקליבען זאַכען און האָט זיך פאַרשטעלט, אַז זיא וועט אוועקפאָהרען.

דערזעהענדיג דעם מאַן, האָט זיא אַראָבגעלאָזען דיא הענד אין קעסטעל פון שיפאָניער, גלייך וויא זיא וואָלט זוכען עפּעס און האָט זיך אומגעקוקט אויף איהם נור דאַן, ווען ער איז שוין געשטאַנען גאַנץ נאָהענט לעבען איהר. אָבער איהר פּנים, וועלכען זיא האָט געוואָלט צוגעבען אַ שטרייגען און ענטשלאָסענעם אויסדרוק, האָט אויסגעדריקט פערלאָרענקייט און יסורים.

— דאָללי! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילע, איינגעהאַלטענע שטימע.

ער האָט אַריינגעצויגען דעם קאָפּ אין דיא אַקסלען און האָט געוואָלט אויסזעהען רחמנות'דיג, אונטערטהעניג, ער האָט אָבער דאָך געשיינט מיט פרישקייט און געזונד. זיא האָט מיט אַ פלינקען בליק בעקוקט פון קאָפּ ביז דיא פיס זיין פיגור, וואָס האָט געשיינט מיט פרישקייט און געזונד: „יא, ער איז גליקליך און צופריעדען — האָט זיא אַ טראַכט געטאָהן — און איך?... און אָט דיא עקעלהאַפטע גוטסקייט, פאַר וועלכער אַלע ליעבען איהם אזוי און לויבען: איך האַס דיא דאָזיגע גוטסקייט זיינע" — האָט זיא אַ טראַכט געטאָהן. איהר מויל האָט זיך פערדריקט, דער מוסקול פון באַק האָט אָנגעהויבען צו שוידערן אויף דער צווייטער זייט פון בלייכען, נערוועזען פּנים.

— וואָס דאַרפט איהר? — האָט זיא אַ זאָג געטאָהן מיט אַ שנעלע, אָבער ניט איהרע, ברוסטיגע שטימע.

— דאָללי — האָט ער ווידערהאָלט מיט אַ ציטער אין זיין קול — אננא וועט היינט קומען צו פאָהרען.

— נו, וואָס געהט דאָס מיך אָן? איך קאָן זיא ניט אויפנעהמען! — האָט זיא אַ געשריי געטאָהן.

— אָבער מען דאַרף דאָך שוין, דאָללי....

— אוועק! אוועק! אוועק! — האָט זיא אַ געשריי געטאָהן ניט קוקענדיג אויף איהם, אזוי וויא דער געשריי וואָלט געוועזען אַרויסגערופען פון אַ פיזישען ווייטאָג.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געקאָנט רוהיג זיין, ווען ער האָט געטראַכט וועגען זיין פרוי; ער האָט געקאָנט האָפען, אַז אַלעס וועט רעכט ווערען, וועט זיך א י י נ אָ ר ד נ ע ן, וויא מאַטוויי'ס אויסדרוק איז געוועזען, און ער האָט געקאָנט רוהיג לעזען אַ צייטונג און טרינקען קאַפּע; אָבער ווען ער האָט דערזעהען איהר אויסגעמאַטערטען, יסורים'דיגען פּנים, ווען ער האָט דערהערט אָט דעם קלאַנג פון איהר שטימע, אונטערטעניגליך צום שיקזאַל און פערצווייפעלט, האָט ביי איהם פערכאַפּט דעם אָטהעם, עפּעס איז אונטערגעקומען צום האַלז און אין זיינע אויגען האָבען אַ גלאַנץ געטאָהן טהרערען.

— מיין גאָט, וואָס האָב איך געטאָהן! דאָללי! אום גאָטעס ווילען!...

ס'איז דאָך.... — ער האָט ווייטער ניט געקאָנט פאַרטזעצען, א שלוכץ האָט זיך אָבגעשטעלט ביי איהם אין האלז.

זיא האָט האסטיג פאַרמאַכט דעם שיפּאַניער און האָט אויף איהם א קוק געטאָהן.

— דאללי, וואָס קאָן איך זאָגען?... איינס נור: פערצייהע... דערמאָן זיך. קאָנען דען נייען יאָהר לעבען ניט אויסקויפען מינוטען... מינוטען...

זיא האָט אַראָבגעלאָזען דיא אויגען און האָט געהערט, וואַרטענדיג וואָס ער וועט זאָגען, אזוי וויא זיא וואָלט איהם בעטען, אז ער זאָל וויא עס איז אָבלייקענען, אז זיא זאָל ניט גלויבען.

— מינוטען פון הינגעצויגען ווערן... — האָט ער ארויסגערעדט און האָט געוואָלט ריידען ווייטער, נור ביי דעם וואָרט, האָבען זיך ווידער צונויפגעדריקט איהרע ליפּען, וויא פון א פיזישען שמערץ און ווידער האָט אָנגעהויבען שפּרינגען א מוסקול פון איהר באַק אויף דער רעכטער זייט פון געזיכט.

— אוועק־געהט, אוועק־געהט פון דאנען! —האָט זיא געשריען נאָך הילכיגער — און רעדט מיר ניט וועגען אייער הינגעצויגענהייט און וועגען אייערע עקעלהאַפטע געשיכטעס.

זיא האָט געוואָלט אוועקגעהן, האָט זיך אָבער א שאָקעל געטאָהן און האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן ווענטעל פון שטוהל אום אָנצושפּאַרען זיך. איהר געזיכט איז געוואָרען ברייט, דיא ליפּען וויא אָנגעשוואָלען געוואָרען, דיא אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט טהרערען.

— דאללי! — האָט ער ארויסגערעדט שוין כליפּענדיג — אום גאָטס ווילען, גיב דאָך א טראַכט וועגען דיא קינדער, זיי זיינען דאָך ניט שולדיג! איך בין שולדיג און מיך בעשטראף, הייס מיר אויסקויפען מיין שולד. איך בין פאַרטיג אויף אַלעס, וואָס איך קאָן נור! איך בין שולדיג, ניטאָ קיין ווערטער מיט וועלכע אויסצודריקען וויא שולדיג איך בין. אָבער פערצייהע מיר, דאללי, פערצייה!

זיא האָט זיך געזעצט. ער האָט געהערט איהר שווערען, הויכען אטהעם. אן אונאויסדריקליכען רחמנות האָט ער געפיהלט פאַר איהר. זיא האָט עטליכע מאָהל געוואָלט אָנהויבען ריידען, האָט אָבער ניט געקאָנט. ער האָט געוואַרט.

— דוא געדיינקסט דיא קינדער בלויז, אום צו שפּיעלען זיך מיט זיי, און איך געדיינק און וויים, אז זיי זיינען איצט פערלאָרען — האָט זיא געזאָגט קענטיג איינע פון דיא פראַזען, וועלכע זיא האָט פאַר דיא דריי טעג שוין ניט איין מאָל געזאָגט צו זיך אליין.

זיא האָט איהם געזאָגט „דוא", און ער האָט מיט דאנקבארקייט א קוק געטאָהן אויף איהר און האָט זיך א ריהר געטאָהן אָנצונעהמען איהר האנד, אָבער זיא האָט מיט עקעל זיך אָבגעקעהרט פון איהם.

— איך געדיינק וועגען דיא קינדער און דערפאַר וואָלט איך געטאָהן אַלעס אין דער וועלט זיי צו ראַטעווען; אָבער איך וויים אַליין ניט, מיט וואָס קאָן איך זיי ראַטעווען: צו דערמיט וואָס איך וועל זיי אוועקפיהרען פון פאַטער, אָדער דערמיט וואָס איך זאָל זיי איבערלאָזען מיט דעם צולאָזענעם פאַטער, — יא, מיט דעם אויסגעלאַסענעם פאַטער... נו, זאָגט אדרבה... נאָך דעם.... וואָס

# אננא קארעונינא

ס'איז פאָרגעקומען, קאָנען מיר דען וואָהנען צוזאמען? איז דאָס דען מעגליך? זאָגט דאָך, איז דאָס דען מעגליך? — האָט זיא ווידערהאָלט אלין העכער ערהויבענדיג איהר שטימע — נאָך דעם וויא מיין מאן, דער פאָטער פון מיינע קינדער, פערפיהרט ליעבעס־פערבינדונגען מיט דער גאוורנאנטין פון זיינע קינדער....

— טאָ וואָס־זשע זאָל געטאָהן ווערן? וואָס איז צו מאכען? — האָט ער גערעדט מיט א נעביך־קול, אליין ניט וויסענדיג וואָס ער רעדט און אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ אלץ נידריגער און נידריגער.

— איהר זייט מיר עקעלהאפט, אבשטויסענד! — האָט זיא געשריען אלץ מעהר און מעהר היצענדיג זיך — אייערע טרעהרען איז וואסער! איהר האָט מיך קיין מאָל ניט געליעבט; איהר האָט קיין הארץ ניט, קיין איידעלקייט ניט! איהר זייט מיר אבשטויסענד, עקעלהאפט, פער־מיאוס'ט, א פרעמדער, יא, אין גאנצען א פרעמדער! — האָט זיא מיט וויטאָג און צאָרען ארויסגערעדט דעם שרעקליכען וואָרט פאר זיך אליין פ ר ע מ ד ע ר.

ער האָט א קוק געטאָהן אויף איהר, און דיא בייזקייט וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איהר פנים, האָט איהם צושראָקען און פערוואונדערט. ער האָט ניט פערשטאנען, אז זיין מיטלייד מיט איהר האָט זיא מעהר צורייצט. זיא האָט אין איהם געזעהען רחמנות צו איהר, אָבער ניט ליעבע: „ניין, זיא האסט מיך, זיא וועט ניט פערצייהען" — האָט ער א טראכט געטאָהן.

— דאָס איז שרעקליך, שרעקליך! — האָט ער ארויסגערעדט.

אין דער צייט האָט אין צווייטען צימער זיך צושריען דאָס קינד, געוויס אנידערפאלענדיג; דאריא אלעקסאנדראָוונא האָט זיך צוגעהערט, און איהר געזיכט איז מיט איין מאָל ווייכער געוואָרען.

זיא האָט זיך גענומען דערמאָנען, וויא עס האָט געשיינט, אזוי וויא זיא וואָלט ניט געוואוסט וואו זיא איז און וואָס זיא האָט צו טאָהן, און שנעל אויפהויבענדיג זיך, האָט זיא זיך א ריהר געטאָהן צו געהן צו דער טהיר.

— ליעבט זיא דאָך מיין קינד — האָט ער א טראכט געטאָהן, באמערקענדיג וויא איהר געזיכט האָט זיך געענדערט ווען דאָס קינד האָט א געשריי געטאָהן — מ י י ן קינד; וויא־זשע קאָן זיא מיך האסען?

— דאָלי, נאָך איין וואָרט — האָט ער ארויסגערעדט געהענדיג נאָך איהר.

— אויב איהר וועט נאָך מיר נאָכגעהן, וועל איך א רוף טאָהן דיא דינער, דיא קינדער! זאָלען אלע וויסען, אז איהר זייט א לומפּ! איך פאָהר היינט אוועק, און איהר לעבט זיך דאָ מיט אייער ליובאָווניצע.

און זיא איז ארויסגעגאנגען א קלאפּ טאָהנ'דיג מיט דער טהיר.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט זיך אָבגעזיפצט, האָט אָבגעווישט דעם שווייס פון פנים און איז מיט שטילע טריט ארוים פון צימער. „מאטווי זאָגט: ס'וועט זיך איינאָרדנען; אָבער וויא אזוי? איך זעה גאָר אפילו קיין מעגליכקייט ניט. אך, אך, וויא שרעקליך! און וויא וואולגאר זיא האָט דאָס געשריען — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, דערמאָנענדיג זיך איהרע ווערטער און געשרייען: לומפּ און ליובאָווניצע. — און עס קאָן דאָך זיין, אז דיא דינסט־מיידלעך האָבען דאָס געהערט! שרעקליך וואולגאר, שרעקליך". סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געשטא־

# אננא קאָרענינא

נען עטליכע סעקונדען אַליין, האָט אָבגעווישט די אויגען, האָט אַ זיפץ געטאָהן און, אויסגלייכענדיג זיין ברוסט, איז ער ארויס פון צימער.

ס'איז געווען פרייטאָג. אין עסס-צימער האָט דער זייגער-מייסטער, א דייטש, אָנגעצויגען דעם זייגער. סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט זיך דערמאָנט אויף זיינעם א וויץ וועגען דעם פינקטליכען פליכעוואַטען זייגער מייסטער, אז ער אַליין, אָט דער דייטש, איז געווען אָנגעצויגען אויפ'ן גאנצען אָנצוציהען זייגערס, און האָט א שמייכעל געטאָהן. סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט ליעב געהאט א גוטען וויץ. „און עס קאָן זיין, אז ס'וועט זיך איינאָרדנען! א גוט ווערטעל: א י י נ אָ ר ד נ ע ן — האָט ער א טראַכט געטאָהן — דאָס דאַרף מען דערציעהלען.“

— מאַטוויי! — האָט ער א געשריי געטאָהן — אָרדען דאַך דאָרט איין אַלעס מיט מאַריען פאַר אננא ארקאַדיעוונא — האָט ער געזאָגט דעם אריינגעקומענעם מאַטווייען.

— איך האָרך.

סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט אָנגעטאָהן דעם פוטער און איז ארויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַניק.

— עסען וועט איהר ניט אין-דער-היים? — האָט געפרעגט מאַטוויי, בעגלייטענדיג איהם.

— וויא עס וועט אויסקומען. נא, אָט נעהם אויף הוצאות — האָט ער געזאָגט, געבענדיג איהם פון טייסטער צעהן רובעל — וועט זיין גענוג?

— גענוג, אָדער ניט גענוג, מען וועט שוין מוזען אויסקומען — האָט געזאָגט מאַטוויי, פערמאַכענדיג די טהיר און אָבטרעטענדיג אויפ'ן גאַניק.

אונטערדעסען האָט דאריא ארקאַדיעוונא בערוהיגט דאס קינד און פערשטעהענדיג פון דעם רויש פון דער קאַרעטע, אז ער איז אוועקגעפאָהרען, האָט זי זיך אומגעקעהרט צוריק אין שלאָפ-צימער.

דאס איז געווען איהר איינציגער צופלוכטס-פלאַטץ פון היימישע זאָרג, וועלכע פלעגען זיין ארום איהר גלייך וויא זיא פלעגט נור ארויסגעהן. שוין איצט אפילו אין דער קורצער צייט, ווען זיא איז ארויסגעגאנגען אין קינדער-צימער, האָבען די ענגלישע באנע און מאַטריאנא פילימאָנאָווונא בעוויזען צו שטעלען איהר אייניגע פראגען, וועלכע מען האט ניט געקענט אָבלעגען און אויף וועלכע זיא אַליין האָט בלויז געקאָנט ענטפערן: וואס אָנצוטאָהן די קינדער צום שפּאַציערען-געהן? זאָל מען זיי געבען מילך? צו זאָל מען ניט שיקען נאָך אנאנדער קוכער?

— אַך, לאָזט מיך, לאָזט מיך! — האָט זיא געזאגט און אומקעהרענדיג זיך אין שלאָפ-צימער, האט זיא זיך געזעצט אויף דעמזעלבען אָרט, וואו זיא האט גערעדט מיט דעם מאַן, צונויפדריקענדיג די אויסגעמאַגערטע הענד מיט די רינגען, וועלכע האבען זיך ארונטערגעלאָזען פון די ביינערדיגע פינגער, און זיא האָט זיך גענומען איבערטראכטען אין איהרע עראינערונגען דעם גאנצען געוועזענעם געשפּרעך:

„אוועקגעפאָהרען! אָבער וויא האט ער געענדיגט מיט איהר? האָט זיא געטראַכט — קען דען זיין, אז ער זאָל זיך מיט איהר זעהען? פאר וואס האָב איך

איהם ניט געפרעגט? ניין, ניין, צונויפקומען זיך איז אונמעגליך. אויב מיר וועלען אפילו בלייבען אין איין הויז — זיינען מיר פרעמדע! — האָט זיא איבערגעזאגט נאָך אַמאָל מיט אַ בעזונדער בעדייטונג פון דעם דאָזיגען שרעקליכען וואָרט. — און וויא האָב איך געליעבט! און אפילו איצט ליעב איך איהם דען ניט? ליעב איך איהם דען ניט מעהר נאָך אלס פריהער? שרעקליך איז הויפּטזעכליך דאס...“ האט זיא אָנגעהויבען, אָבער האט ניט געענדיגט איהר געדאנק, ווארום מאטריאנא פילימאָנאָוונא האָט זיך אַרויסגערוקט אין טירה.

— הייסט שוין דאָך שיקען נאָכ'ן ברודער — האָט זיא געזאגט — וויא ניט, וועט ער דאָך מיטאָג פארטיג מאכען; אז ניט, וועט דאָך זיין אזוי וויא נעכטען, ביז זעקס אַ זייגער וועלען דיא קינדער בלייבען ניט געגעסענערהייט.

— נו גוט, איך וועל באלד ארויסגעהן און וועל הייסען. האָט מען געשיקט נאָך פרישע מילך?

און דאריא אַלעקסאנדראָוונא האָט זיך פערטיעפט אין דיא דאגות פון טאָג און האט אויף אַ ווײַלע אין זיי פערטרונקען איהרע יסורים.

## 5.

סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט זיך אין שוהל גוט געלערנט, צו פערדאנקען זיינע גוטע פעהיגקייטען, אָבער ער איז געווען פויל און אַ שטיפער און דארום האָט ער געענדיגט איינער פון דיא לעצטע שילער; אָבער, ניט קוקענדיג אויף זיין שטענדיג פרעהליכען לעבען, קליינעם ראנג און ניט אַלטע יאהרען, האָט ער בעקליידט אַן אַנגעזעהענע שטעלע און מיט גוטען געהאלט — דיא שטעלע פון אַ נאַטשאַלניק אין איינעם פון דיא מאָסקווער ביוראָס.

דיא שטעלע האָט ער ערהאַלטען דורך אַננאַס שוועסטערס מאַן, דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קארענין, וועלכער האט בעקליידט איינע פון דיא וויכטיגסטע עמטער אין מיניסטעריום, וואוהין עס האט בעלאנגט דיא ביוראָ, וואו אָבּאָלענסקי איז געווען דער שעף. אָבער אויב אפילו קארענין וואָלט ניט פערשאַפען פאַר זיין שוואָגער דיא שטעלע, וואָלט סטיווא אָבּאָלענסקי יעדענפאַלס בעקומען אַ שטעלע דורך הונדערט אנדערע פערזאָנען: ברידער, שוועסטער, קרובים, פעטערס, מוהמעס — ער וואָלט בעקומען ענטוועדער דיעזעלביגע שטעלע אָדער אַן אנדערע עהנליכע, מיט אַ געהאַלט פון אַ זעקס טויזענד רובעל אַ יאהר, וועלכע זיינען איהם נויטיג געווען, אזוי וויא זיינע געשעפטען, ניט קוקענדיג אויף דער פרוי'ס היבשען פערמעגען, זיינען געווען חרוב'דיג.

האַלב מאָסקווא און פעטערסבורג זיינען געווען קרובים און פריינד פון סטעפאַן ארקאדיעוויטש. ער איז געבאָרען געוואָרען אין'ם קרייז פון יענע מענשען, וועלכע זיינען געווען און זיינען געוואָרען דיא מעכטיגע פון אונזער וועלט. אַ דריטעל פון דיא רעגיערונגס-מענשען, פון דיא אַלטע, זיינען געווען זיין פאטערס

# אננא קארענינא

פריינד און האבען איהם געקענט נאָך אין א העמדעלע; אן אנדער דריטעל איז געווען מיט איהר פער „דו“, און דאָס דריטע דריטעל איז בעשטאַנען פון זיינע גוטע בעקאנטע. פאָלגליך, זיינען דיא פערטהיילער פון ערדישע גליקען, ווי עמטער, ארענדעס, קאָנצעסיאָנען און עהנליכע זאכען, געווען זיינע פריינד און האבען ניט געקענט ניט צודינען אן אייגענעם. און אָבּאָלענסקי דאַט ניט געדארפט האָבען קיין איבעריגע מיה אום צו בעקומען א גוטע שטעלע; ער האָט בלויז געדארפט ניט ענטזאגען זיך, ניט מקנא זיין, ניט קריגען זיך, ניט בעליידיגען זיך, וואָס ער האָט לויט זיין גוטער נאטור קיין מאָהל ניט געטאָהן.

איהם וואָלט אויסגעזעהען לעכערליך, אויב מען וואָלט איהם זאָגען, אז ער וועט ניט בעקומען א שטעלע מיט אזא געהאלט, וויא ער דארף, א פשיטא שוין ווען ער האט ניט געפאָדערט עפּעס איבעריגעס; ער האט בלויז פערלאנגט דאס וואס זיינע חברים האָבען בעקומען, און ערפילען אזא אמט האָט ער געקענט ניט וועניגער פון אן אנדערען.

אלע, וועלכע האבען געקענט סטעפאן ארקאדיעוויטש'ן האָבען איהם ניט נור געליעבט, פאר זיין גוטען פרעהליכען כאראקטער און פאר זיין אונצווייפעלהאפטע עהרליכקייט, נאָר דערפאר אויך וואס אין איהם, אין זיין שעהנעם, ליכטיגען אויסזעהען, אין דיא גלאַנצענדע אויגען, שווארצע ברעמען, האָאר, אין דער ווייסקייט און רויטלעכקייט פון זיין געזיכט, איז געווען עפּעס וואס האט פיזיש געווירקט פריינדליך און פרעהלאך אויף מענשען, וועלכע האבען זיך מיט איהם באגעגענט.

„אהא! סטיווא! אָבּאָלענסקי! אָט דאס איז ער.“ האבען כמעט אלע מיט א פרעהליכען שמייכעל א זאָג געטאָהן ווען זיי דאָבען בעגעגענט. און אויב עס האט אמאָל פּאסירט, אז נאָך א געשפּרעך מיט איהם האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז קיין בעזונדער פרעהליכעס איז דעריין ניט געווען — האָבען פון דעסטוועגען אויפ'ן צווייטען טאָג, אויפ'ן דריטען טאָג דיעזעלביגע ווידער געפרעהט זיך, ווען זיי האבען זיך מיט איהם בעגעגענט.

פארנעהמענדיג דעם דריטען יאהר שוין דיא שטעלע פון א שעף אין איינע פון דיא רעגיערונגס־ביורא'ס אין מאָסקווא, האָט סטעפאן ארקאדיעוויטש ערוואָרבען זיך ניט נור ליעבע, נור אויך אכטונג פון זיינע קאַמעראדען, פון זיינע אונטערגעאָרדענטע, פון דיא שעפ'ס און פון אלעמען, ווער עס האט נור געהאט מיט איהם עסקים. דיא הויפּט אייגענשאפטען פון סטעפאן ארקאדיעוויטש, דורך וועלכע ער האָט פערדיענט אלגעמיינעם רעספּעקט, זיינען בעשטאַנען, ערשטענס, אין זיין אויסערגעוועהנליכע גנעדיגקייט צו מענשען, וואָס איז געווען אין איהם אויף גרונד פון דער אנערקענונג פון זיינע אייגענע חסרונות; צווייטענס, אין דעם פאָלשטענדיגען ליבעראליזם; ניט דער ליבעראליזם, וועלכען ער האט אויסגעלעזען אין דיא צייטונגען, נור יענער ליבעראליזם, וועלכער איז געווען אין זיין בלוט און מיט וועלכען ער האָט זיך פערטראָגען צו אלע מענשען גלייך, פון וועלכען שטאנד אדער פון וועלכען בערוף זיי זאָלען ניט זיין. און דריטענס — הויפּטזעכליך — אין זיין פאָלשטענדיגער גלייכגילטיגקייט צו דער זאך, מיט וועלכער ער האָט

זיך בעשעפטיגט. איבער דעם איז ער קיין מאָהל ניט היציג געווארען און האט ניט געמאכט קיין פעהלערען.

קומענדיג אויפ'ן פּלאַטץ פון זיין אמט איז סטעפּאן ארקאדיעוויטש, אין דער בעגלייטונג פון דעם העפליכען שווייצאר מיט'ן פּאָרטפעל, דורכגעגאנגען אין זיין קליינעם קאבינעט, האָט אָנגעטאָהן דעם מונדיר און איז אריין אין ביוראָ. דיא שרייבער און דינער האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט, האָבען פרעהלאך און העפליך איהם בעגריסט. סטעפּאן ארקאדיעוויטש איז שנעל, ווי אימער, דורכגעגאנגען, האט געדריקט דיא הענד פון דיא מיטגליעדער פון זיין קאנצעליאריע און האָט זיך געזעצט. ער האט געמאכט אביכעל שפּאס, האָט גערעדט א ווייַלע, אָבער בלויז אזוי פיעל וויפיעל עס האט געפּאַסט, און האט זיך גענומען פאר דער ארבייט.

קיינער האט בעסער פון סטעפּאן ארקאדיעוויטש ניט געקענט געפינען יענעם גרעניץ פון פרייהייט, איינפאכקייט און אָפיציאליטעט, וועלכע זיינען געווען נויטיג אום דיא בעשעפטיגונג זאָל זיין אנגענעהם. זיין סעקרעטער איז פרעהלאך און העפליך צוגעגאנגען מיט פּאפּיערען און האט געזאגט מיט יענעם פאמיליאר־ליבעראלען טאָן, וועלכען סטעפּאן ארקאדיעוויטש האָט איינגעפיהרט.

— מיר האָבען טאקע דערשלאָגען זיך אויסקינפטע פון דער פּענזער גובערנסקע אופּראוולעניע. אָט, אויב איהר ווינשט....

— בעקומען ענדליך ? — האָט ארויסגערעדט סטעפּאן ארקאדיעוויטש, לעגענדיג דעם פינגער אויף א פּאפּיער — נו, מיינע הערען....

און דיא ביוראָ באשעפטיגונג האט זיך אָנגעהויבען.

„ווען זיי וואָלטען וויסען — האט ער זיך געטראכט, אָנבויגענדיג דעם קאָפּ מיט א וואזשנעם אויסזעהען און הערענדיג דעם רעפּאָרט — ווען זיי וואָלטען וויסען וואס פאר א פערזינדיגטער אינגעל עס איז ערשט מיט א האלבע שטונדע צוריק געוועזען זייער פּאָרזיצענדער !" און זיינע אויגען האָבען געלאכט ביים לעזען פון'ם רעפּאָרט. ביז צוויי אוהר האָט בעדארפט אָנגעהן דיא באשעפטיגונג אָהן איבעררייסונגען. און אום צוויי אוהר אָברוה און פרישטיק.

עס איז נאָך ניט געווען קיין צוויי א זייגער, ווען דיא גרויסע גלעזערנע טיהרען פון זאאל פון קאנצעליאריע האָבען זיך פּלוצלינג צועפענט און עמיצער איז אריין. אַלע מיטגליעדער האָבען זיך אומגעקוקט צור טיהר, אָבער דער שווייצאר, וואס איז געשטאנען ביי דער טיהר, האָט גלייך ארויסגעיאגט דעם אריינגעקומענעם און האט פערמאכט הינטער איהם דיא גלעזערנע טיהרען.

ווען דיא פּאָרגענומענע אנגעלעגענהייט איז געווען איבערגעלעזען איז סטעפּאן ארקאדיעוויטש אויפגעשטאנען, האָט זיך א ציה געטאָהן און לויט דער ליבעראלקייט פון דער צייט האָט ער ארויסגענומען א פּאפּיראָס און איז אריין אין זיין קאבינעט. זיינע צוויי חברים, דער אלטער ניקיטין און דער קאמער־יונקער גרינעוויטש, זיינען ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט איהם.

— נאָך פרישטיק וועלען מיר נאָך בעוויייזען צו ענדיגען — האט געזאגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש.

— און נאָך ווי בעווייזען ! — האָט געזאגט ניקיטין.

— און דער פאמין מוז דאס זיין א היבשער פּלוט — האָט געזאגט גרי־

געוויטש וועגען איינעם פון דיא פערזאנען, וועלכע האבען אנטהייל גענומען אין דער אנגעלעגענהייט, מיט וועלכער זיי זיינען געווען באשעפטיגט.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט זיך א קנייטש געטאהן איבער גרינעוויטשעס ווערטער, געבענדיג דערמיט צו פיהלען אז עס איז ניט פאסיג צו פאסען א מיינונג פון פאראויס, און ער האט גארנישט געענטפערט.

— ווער איז דאס געווען אריינגעקומען ? — האט ער א פרעג געטאהן דעם שווייצאר.

— עפעס עמיצער, אייער עקסעלענץ, איז אריינגעקראכען ניט געפרעגטערהייט, ווי איך האב זיך גור אבגעקעהרט. אויף אייך האט ער געפרעגט. זאג איך איהם : ווען דיא מיטגליעדער וועלען ארויסגעהען, דאן...

— וואו איז ער ?

— ארויסגעגאנגען אפנים אין פארהויז, און פריהער איז ער אלץ דא ארומגעגאנגען. אט דער איז דאס — האט דער שווייצאר א זאג געטאהן, אנווייזענדיג אויף א קרעפטיג געבויטען, ברייטפלייציגען מאן מיט א קרויזע בארד, וועלכער איז שנעל און לייכט ארויפגעלאפען דיא געמויערטע טרעפ, ניט אראבנעהמענדיג זיין שעפסענע הימעל. איינער פון דיא טשינאווניקעס, וועלכער האט געהאלטען אין אראבגעהן מיט א פארטפעל אין האנד, האט זיך אבגעשטעלט, האט אונצופריעדען א קוק געטאהן אויף דיא פיס פון דעם ארויפלויפענדען און האט דערנאך פראגליך א קוק געטאהן אויף אבאלענסקי'ן.

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געשטאנען אויף דיא טרעפ. זיין גוטמוטהיג שיינענדער פנים פון הינטער דעם אויסגענעהטען קאלנער פון מונדיר האט נאך מעהר א שיין געטאהן, ווען ער האט דערקענט דעם ארויפלויפענדען.

— אזוי איז דאס ! לעווין ! ענדליך ! — האט ער א זאג געטאהן מיט א פריינדליכען, שפאסליכען שמייכעל, בעקוקענדיג דעם אונטערקומענדען צו איהם — וויא איז דאס דיר ניט דערווידער געווען צו געפינען מיך דא אין דיעזער העללע ? — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש, ניט בענוגענדיג זיך מיט א דריק טאהן דיא האנד, נור קושענדיג זיין פריינד. — שוין לאנג דא ?

— איך בין נור־וואס געקומען צופאהרען, און מיר האט זיך זעהר געוואלט דיך זעהען — האט געענטפערט לעווין, אביסעל פארשעהמט און אין דערזעלבער צייט אויך מיט כעס און האט זיך ארומגעקוקט.

— נו, לאמיר אריינגעהן אין קאבינעט — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש, וועלכער האט געקענט דיא זעלבסט־ליעבענדע און בייזליכע שעהמעדיגקייט פון זיין גוטען־פריינד, און א ציה־טאהנדיג איהם פאר דער האנד האט ער איהם געשלעפט נאך זיך, וויא ער וואלט איהם דורכפיהרען דורך געפאהרען.

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געווען כמעט מיט אלע זיינע בעקאנטע אויף „דוא“ : מיט אלטע זעכציג־יאהריגע, מיט בחורים'לעך צוואנציג־יאהריגע, מיט אקטיארען, מיט מיניסטארען, מיט סוחרים און מיט גענעראל־אדיוטאנטען, אזוי אז זעהר פיעלע פון דיא, וועלכע זיינען געווען מיט איהם פער „דוא“ האבען זיך איינגעפונען אויף דיא צוויי עקסטרעמע שטאפלען פון געזעלשאפטליכען לייטער

# אננא קארענינא

און זיי וואָלטען זיך געוואונדערט, ווען זיי וואָלטען זיך דערוויסען אַז איבער אבלאנסקין איז פאראַן עפּעס געמיינשאפטליכעס צווישען זיי.

ער איז געווען אויף „דוא“ מיט אַלעמען, מיט וועמען נור ער האָט געטרונקען שאמפּאניער, און געטרונקען שאמפּאניער האָט ער מיט אַלעמען. און דארום ווען ער האָט אין דער אַנוועזענהייט פון זיינע אונטערגעאָרדענטע בעגעגענט זיך מיט זיינע „שענדליכע „דוא“ס, וויא ער פלעגט שפּאסהאפט רופען פיעלע פון זיינע גוטע־ברידער, פלעגט ער מיט זיין אייגענטהימליכען טאקט קאָנען פערקלענערן פאר זיינע אונטערגעאָרדענטע דיא אונאנגענעהמליכקייט פון אזא בעגעגעניש.

לעווין איז ניט געווען קיין „שענדליכער „דוא“, אָבער אבלאנסקי האָט מיט זיין טאקט דערפיהלט, אַז לעווין מיינט, אַז ער שעהמט זיך אפשר פאר זיינע אונטערגעאָרדענטע צו ווייזען זיין נאָהענטקייט מיט איהם, און ער האָט דארום געאיילט זיך אריינצופיהרען איהם אין קאבינעט. לעווין איז געווען כמעט אין איינע יאָהרען מיט אבלאנסקין און איז געווען מיט איהם פער „דוא“ ניט בלויז איבער שאמפּאניער טרינקען.

לעווין איז געווען זיין חבר און זיין פריינד פון ערשטער יוגענד. זיי האָבען איינער דעם אַנדערן געליעבט, ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי האָבען זיך אונטערשיעדען אין כאראקטער און אין געשמאַק, וויא עס ליעבען איינער דעם צווייטען צוויי חברים, וועלכע האָבען זיך צוגעבונדען איינער צום אַנדערן פון דער ערשטער יוגענד אָן. נור, וויא עס טרעפט אָפט צווישען מענשען, וועלכע האָבען זיך אויסגעקליבען פערשיעדענע מיניני טהעטיגקייטען, האָט יעדערער פון זיי אין הארצען געהאסט דעם צווייטענס בעשעפטיגונג, הגם באַקלעהרענדיג גוט פלעגען זיי פערענטפערן איינער דעם צווייטענס בעשעפטיגונג. יעדען פון זיי האָט זיך געדוכט, אַז דאָס לעבען, וואָס ער פיהרט, איז ווירקליכעס לעבען, און דאָס לעבען פון׳ם צווייטען איז נור אַ שאטען פון לעבען. אבלאנסקי האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאלטען פון אַ לייכטען אבלאכענדען שמייכעל ווען ער פלעגט דערזעהען לעווינען. שוין דעם וויפיעלטען מאָהל האָט ער איהם געזעהען אָנקומענדיג קיין מאָסקווא פון דאָרף, וואו ער איז עפּעס געווען שטענדיג פערנומען, האָט עפּעס געטאָהן, אָבער וואָס אַזוינס איז זיין טהעטיגקייט, דאָס האָט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש ניט געקאָנט גוט פארשטעהן, און האָט באמת טאַקע גאָר ניט אינטערעסירט זיך צו וויסען.

לעווין איז אַלע מאָהל געווען אַ צוטראָגענער, אַ האסטיגער און אַביסעל אין פערלעגענהייט און אויפגערעגט, ווען ער פלעגט נור קומען קיין מאָסקווא, און אָפט אויך יעדען מאָהל מיט עפּעס אַ נייעם, אונערוואַרטעטען בליק אויף זאַכען. סטעפּאַן ארקאדיעוויטש פלעגט דערפון לאַכען, האָט דאָס אָבער אין איהם געליעבט. אַזוי האָט אויך לעווין אין הארצען פערהאסט דעם שטאָדטישען ארט לעבען פון זיין גוטען־פריינד, זיין אמט, וועלכע ער האָט גערעכענט פאר פוסטע זאַכען און האָט דערפון אָבגעלאַכט. אָבער דער אונטערשיעד איז געווען צווישען זיי, וואָס אבלאנסקי, טהוענדיג דאָס וואָס אַלע טהוען, האָט געלאַכט זעלבסטזיכער און גוטמוטהיג, און לעווין ניט זעלבסטזיכער און אָפט בייזלעך.

# אננא קארענינא

— מיר האבען שוין לאנג אויף דיר געווארט, — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש, ארייגעהענדיג מיט איהם אין קאבינעט און אבלאזענדיג זיין האנד, אקוראט וויא ער וואלט איהם דערמיט וועלען ווייזען, אז דא איז שוין קיין סכנה ניטא — איך בין זעהר, זעהר גערן דיך צו זעהען. נו, וואס מאכסט דוא? וויא? ווען ביסט דוא געקומען צו־פאהרען?

לעווין האט געשוויגען, אנקוקענדיג דיא צוויי אונבעקאנטע געשטאלטען פון אבלאנסקי׳ס צוויי קאלעגען און בעזונדער נאך קוקענדיג אויף דער האנד פון דעם עלעגאנטען גרינעוויטש, מיט אזעלכע לאנגע, ווייסע פינגער און מיט אזעלכע לאנגע, געלע, אבגעטאקטע נעגעל, מיט אזעלכע בליצינגע העמד־קנעפ. עס האט אויסגעזעהען אזוי וויא דיעזע הענד וואלטען דערשלינגען זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט און וואלטען איהם ניט געלאזט פריי טראכטען. אבלאנסקי האט דאס גלייך בעמערקט און האט א שמייכעל געטאהן:

— אך יא, ערלויבט מיר אייך בעקאנט צו מאכען — האט ער געזאגט— מיינע קאלעגען: פיליפ איוואנאוויטש ניקיטין, מיכאאיל סטאניסלאוויטש גרינעוויטש — און אנצייגענדיג אויף לעווינען: און דאס איז א דארפישער כלל־טהוער, א נייער לאנד־מענש, א גימנאסט, הויבט אויף מיט איין האנד פינף פוד, א פיהציכטער, א יעגער און מיינער א פריינד, קאנסטאנטין דעמיטריעוויטש לעווין, א ברודער פון סערגעי איוואנאוויטש קאזנישאוו.

— זעהר אנגענעהם — האט געזאגט דער אלטינקער.

— איך האב דיא עהרע צו קענען אייער ברודער, סערגיי איוואנאוויטשען — האט געזאגט גרינעוויטש, דערלאנגענדיג זיין דינע האנד מיט דיא לאנגע נעגעל.

לעווין האט זיך אנגעכמורעט, האט קאלט א דריק געטאהן דיא האנד און האט זיך באלד א ווענד געטאהן צו אבלאנסקין. הגם ער האט זעהר רעספעקטירט זיין שטיף־ברודער פון איין מוטער, וועלכער איז געווען בעוואוסט אין גאנץ רוסלאנד אלס שריפטשטעלער, פון דעסטוועגען האט ער ניט געקאנט ליידען, ווען מען האט אויף איהם געקוקט ניט וויא אויף קאנסטאנטין לעווין, נור וויא אויף א ברודער פון דעם בעריהמטען קאזנישאוו.

— ניין, איך בין שוין מעהר ניט קיין כלל־טהוער צו לאנד. איך האב זיך מיט אלעמען צוקריגט און איך פאהר מעהר ניט אויף דיא זעמסקע געשעפטס־זיצונגען — האט ער געזאגט, ווענדענדיג זיך צו אבלאנסקין.

— אבער זעהר גיך! — האט א שמייכעל געטאהן אבלאנסקי — וואס הייסט? וויא? פאר וואס?

— א צו לאנגע געשיכטע. איך וועל דיר דאס ווען עס איז דערצעהלען — האט געזאגט לעווין און האט פון דעסטוועגען אנגעהויבען טאקע גלייך דערצעהלען — נו, אין קורצען גערעדט, איך האב זיך איבערצייגט, אז עס איז קיין לאנדישע טהעטיגקייט ניטא און קאן ניט זיין — האט ער אנגעהויבען ריידען אזוי וויא עמיצער וואלט איהם עפעס נור־וואס בעליידיגט: — פון איין זייט איז דאס ניט מעהר וויא א שפיעלכעל, מען שפיעלט זיך כלומר׳שט אין פארלאמענטען, און איך בין ניט גענוג יונג און ניט גענוג אלט איך זאל פערברייינגען אין שפיעלכלעך;

און פון דער צווייטער זייט (ער האט זיך דא צושטאמעלט) איז דאס א מיטעל בלויז פאר א לאנדישער קליקע אנצולעבען פערמעגען. פריהער זיינען געוועזן לאנד־געריכטען, אפעקונסטוואס, און איצט איז א זעמסטווא, דאס איז פאר זיי א געלד־מאכעריי, ניט אין דער פארם פון כאבאר, נור אין דער פארם פון אונפערדיענטען געהאלט — האט ער גערעדט אזוי היציג אזוי וויא עמיצער פון דיא אנוועזענדע וואלט אבגעשטריטען זיין מיינונג.

— עהע, ביסט דוא דאך, וויא איך זעה, שוין אריינגעטראטען ווידער אין א נייער שטופע, אין א קאנסערוואטיווער — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — אבער איבעריגענס וועלען מיר דערנאך שוין רעדען וועגען דעם.

— יא, דערנאך. אבער איך האב דיך נויטיג געדארפט זעהען — האט געזאגט לעווין, איינקוקענדיג זיך מיט פעראכטונג אין גרינעוויטשעס האנד.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט קוים בעמערקבאר א שמייכעל געטאהן.

— וויא־זשע האסט דוא דאס פערזיכערט, אז דוא וועסט מעהר קיין מאהל ניט אנטאהן קיין אייראפעאישע קליידונג? — האט ער געזאגט בעקוקענדיג לעווינס נייע קליידער, קענטיג גענעהט פון א פראנצויזישען שניידער — אזוי! איך זעה שוין: א נייע שטופע.

לעווין איז פלוצלונג רויט געווארען, אבער ניט וויא עס ווערן רויט ערוואקסענע מענשען, לייכט אליין דאס ניט בעמערקענדיג; ער איז רויט געווארען וויא עס ווערען רויט אינגלעך, פיהלענדיג אז זיי זיינען לעכערליך מיט זייער שעהמעדיגקייט און דארום פערשעהמען זיי זיך נאך מעהר און ווערן נאך רויטער, כמעט ביז טרעהרען. און אזוי זאנדערבאר איז געוועזן צו זעהען דעם דאזיגען קלוגען, מאנהאפטען פנים אין אזא קינדערישען צושטאנד, אז אבלאנסקי האט אויפגעהערט צו קוקען אויף אידם.

— יא, וואו־זשע וועלען מיר זיך זעהען? איך דארף דאך זעהר, זעהר נויטיג מיט דיר וואס ריידען — האט געזאגט לעווין.

אבלאנסקי האט זיך אזוי וויא פערטראכט.

— אט וואס: מיר וועלען פאהרען צו ג ו ר י נ ע ן פריהשטיקען און דארט וועלען מיר ריידען. ביז דריי בין איך פריי.

— ניין — האט לעווין געענטפערט בעדיינקענדיג — איך דארף נאך וואוהין אריבערפאהרען.

— נו, גוט, וועלען מיר עסען מיטאג צוזאמען.

— מיטאג? קיין בעזונדערעס האב איך דאך ניט וואס צו ריידען, בלויז עטליכע ווערטער זאגען, א פרעג טאהן, און דערנאך וועלען מיר זיך א שמועס טאהן.

— זאג דאך גלייך דיא פאאר ווערטער, און שמועסען וועלען מיר צו מיטאג.

— דיא צוויי ווערטער זיינען אט וועלכע — האט געזאגט לעווין — איבעריגענס, קיין בעזונדערעס.

זיין פנים האט פלוצלונג אנגענומען א בייזליכען אויסדרוק, וואס איז ארויסגעקומען פון זיין אנשטריינגונג צו איבערוועלטיגען זיין שעהמעדיגקייט.

# אננא קארענינא

— וואָס מאַכען דיא שטשערבאצקי׳ס? אלץ וויא געוועזן? — האָט ער געפרעגט.

סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט שוין לאנג געוואוסט, אז לעווין איז פערליעבט אין זיין שוועגערין קיטי שטשערבאצקאיא; ער האָט קוים בעמערקבאר א שמייכעל געטאָהן און זיינע אויגען האָבען פרעהליך א גלאנץ געטאָהן.

— דוא האָסט געזאָגט צוויי ווערטער, און איך קאָן אין צוויי ווערטער ניט ענטפערן, ווארום... ענטשולדיג אויף איין מינוטעלע....

עס איז אריינגעקומען דער סעקרעטאר, מיט זיין פאַמיליארנע העפליכקייט און מיט דעם בעשיידענעם בעוואוסטזיין, וואָס איז אלגעמיין אין יעדען סעקרעטאר, אז ער ווייס זאכען בעסער פון זיין פרינציפאל, איז ער צוגעגאנגען מיט פאַפּיערען צו אבלאנסקי׳ן און האָט אָנגעהויבען, כלומר׳שט אלס א פראגע, ערקלעהרען איהם עפּעס א בעשטימטע שווערקייט. סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט ניט דערהערט ביז׳ן סוף, האָט צערטליך ארויפגעלייגט זיין האנד אויף דעם סעקרעטער׳ס ארבעל:

— ניין, איהר מאַכט דאָס אזוי, וויא איך האָב אייך געזאָגט — און ער האָט מיט א שמייכעל זאנפטער געמאַכט זיין באמערקונג און האָט קורץ ערקלעהרט איהם וויא ער פערשטעהט דיא דאָזיגע אנגעלעגענהייט; ער האָט אָבגערוקט דיא פּאַפּיערען און געזאָגט: אזוי מאַכט דאָס, געפעליגסט, זאכאר ניקיטיטש.

א פערשעהמטער איז דער סעקרעטאר ארויסגעגאנגען. לעווין איז אין גאנצען געקומען צו זיך אין דער צייט וואָס אבלאנסקי האָט זיך בעראַטהען מיט׳ן סעקרעטער; ער איז איצט געשטאנען אָנגעלעהנט אויף׳ן שטוהל מיט ביידע הענד און אויף זיין פּנים איז געווען א שפּאַסהאַפטע אויפמערקזאַמקייט.

— איך פערשטעה ניט, איך פערשטעה ניט — האָט ער געזאָגט.

— וואָס פערשטעהסט דוא ניט? — האָט אויך אזוי שפּאַסהאַפט שמייכלענדיג, ארויסנעהמענדיג א פּאַפּיראָס, געפרעגט אבלאנסקי. ער האָט ערוואַרט פון לעווינען עפּעס א זאָנדערבארען ארויספאָהר.

— איך פערשטעה ניט, מיט וואָס איהר באשעפטיגט זיך דאָ — האָט געזאָגט לעווין קוועטשענדיג מיט דיא אקסלען — וויא קאָנסט דוא דאָס טאָהן מיט ערענסט?

— וואָס הייסט?

— אָט אזוי, דאָס... דאָס איז דאָך גאָרנישט, גאָרנישט געטאָהן.

— אזוי מיינסט דוא, אָבער מיר זיינען פערוואָרפען מיט ארבייט.

— פּאַפּיער־ארבייט. נו יא, דוא ביסט פאַר דיא זאכען בעגאַבט.

— דוא מיינסט, דאָס הייסט, אז אין מיר איז עפּעס פאראן א חסרון?

— עס קאָן זיין אז יא. — האָט געזאָגט לעווין — אָבער פון דעסטוועגען האָב איך הנאה צו קוקען אויף דיין גרויסקייט און איך בין שטאָלץ, וואָס מיין פריינד איז אזא גרויסער מענש. אָבער דוא האָסט דאָך מיר ניט געענטפערט אויף מיין פראגע — האָט ער צוגעלייגט, קוקענדיג מיט פערצווייפעלטער אנשטריינגונג גלייך אבלאנסקין אין דיא אויגען.

# אננא קארענינא

— נו, גוט, גוט. ווארט א ווײלע, און מיר וועלען קומען דערצו. דיר איז גוט, דוא האסט דרײ טויזענד אקער לאנד אין קאראזינסקען בעצירק אלײן, און אזעלכע געזונדע מוסקולען, און פרישקײט וויא בײ א צוועלף־יעהריגער מײדעלע — אבער דוא וועסט אויך קומען צו אונז. יא, וועגען דאס וואס דוא האסט געפרעגט: קײנע ענדערונגען זײנען ניט פארגעקומען, נור א שאדען וואס דוא ביסט אזוי לאנג ניט געוועזן.

— וואס איז? — האט צושראקען געפרעגט לעווין.

— קײן זאך ניט — האט געענטפערט אבלאנסקי — מיר וועלען וועגען דעם ריידען. נאך וואס אײגענטליך ביסט דוא געקומען צו פאהרען?

— אך, וועגען דעם וועלען מיר אויך בעסער שפעטער זיך דורכריידען — האט לעווין געענטפערט ווידער רויט ווערענדיג ביז איבער דיא אויערען.

— נו, גוט. פערשטאנען, — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — זעהסט דוא, איך וואלט דיך גערופען צו אונז אהײם, אבער מײן ווײב איז עפעס ניט אין גאנצען געזונד. נור אט וואס: אויב דוא ווילסט זעהען דיא שטשערבאצקיס, זײנען זײ געווים הײנט אין זאאלאגישען גארטען פון פיער ביז פינף אוהר. קיטי וועט געווים הײנט זײן דארט צו גליטשען זיך. דוא פאהר אריבער אהין, און איך וועל דערנאך צופאהרען און מיר וועלען צוזאמען אוועק ערגעץ מיטאגעסען.

— זעהר שעהן, אויף ווידערזעהען הײסט עס.

— זעה־זשע, איך קען דאך דיך, דוא וועסט דאך פארגעסען אדער דוא וועסט גאר נעהמען פלוצלונג און אוועקפאהרען צוריק אין דארף! — האט לאכענדיג איהם נאכגעשריען סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— נײן, בעשטימט.

און לעווין איז ארויס פון צימער, דערמאנענדיג זיך, אז ער האט זיך פארגעסען צו נעהמען אבשיעד פון אבלאנסקי׳ס קאלעגען, ווען ער איז שוין געווען אין טיהר.

— אפנים זעהר אן ענערגישער מאן — האט געזאגט גרינעוויטש, ווען לעווין איז ארויס.

— יא — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש, שאקלענדיג מיט׳ן קאפ — אט איז א גליקליכער מענש! דרײ טויזענד אקער לאנד אין קאראזינסקען בעצירק אלײן נור, און אין אויסזיכט אלעס, און וויפיעל פרישקײט! ניט דאס וואס אונזערער א ברודער.

— און וואס האט א י ה ר זיך צו בעקלאגען, סטעפאן ארקאד־עוויטש?

— יא, שלעכט, פאסקודנע — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש און האט זיך שווער אבגעזיפצט.

# אננא קארענינא

## 6.

ווען אבלאנסקי האָט א פרעג געטאָהן לעווינען, נאָך וואָס ער איז געקומען צופאָהרען, איז לעווין רויט געוואָרען און איז געוואָרען אין כעס אויף זיך פאר וואָס ער איז רויט געוואָרען, דערפאר ווייל ער האָט איהם ניט געקאָנט ענטפערן: „איך בין געקומען פאָרשלאָגען מיין האנד דיין שוועגערין“, הגם ער איז בלויז צוליעב דעם געקומען.

דיא משפחות פון דיא לעווינס און פון דיא פירסטען שטשערבאצקיס זיינען געווען אלטע אדעליגע, מאָסקווער משפחות און זיינען תמיד געווען צווישען זיך אין נאָהענטע און פריינדליכע בעציהונגען. דיעזע בעציהונגען זיינען נאָך פעסטער געוואָרען אין דער צייט ווען לעווין איז געווען א סטודענט. ער האָט זיך פארפערטיגט און איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט צוזאמען מיט דעם יונגען פירסט שטשערבאצקי, א ברודער פון דאללי און פון קיטי. אין יענער צייט איז לעווין געווען אָן אָפטער בעזוכער אין שטשערבאצקיס הויז און האָט זיך פערליעבט אין דעם דאָזיגען הויז.

וויא זאָנדערבאר דאָס זאָל זיך ניט ווייזען, נור קאָנסטאנטין לעווין איז געווען נעמליך פערליעבט אינ׳ם הויז, אין דער משפחה, בעזונדער נאָך אין דעם ווייבליכען טהייל פון דער פאמיליע שטשערבאצקיס. לעווין האָט ניט געדיינקט זיין אייגענע מוטער, און זיין איינציגע שוועסטער איז געווען עלטער פון איהם, אזוי אז אין דעם הויז פון שטשערבאצקיס האָט ער דערזעהען יענעם קרייז פון אלטען אדעל, פון א געבילדעטער, עהרליכער פאמיליע, וואָס איהם האָט געפעהלט, בלייבענדיג א יתום, אָהן א פאָטער און אָהן א מוטער.

אלע מיטגליעדער פון אָט דער פאמיליע, בעזונדער נאָך דער ווייבליכער טהייל, זיינען איהם פאָרגעקומען אלס פארצויגענע מיט עפּעס א געהיימען, פאָע טישען פאָרהאנג. ער האָט ניט נור ניט געזעהען אין זיי קיינע חסרונות, נור האָט גערעכענט אז אונטער דעם פאָעטישען פאָרהאנג, וואָס פארשטעלט זיי געפינען זיך דיא איידעלסטע, העכסטע געפיהלען און אלערליי פאָלקאָמענהייטען. צו וואָס איז נויטיג געווען, אז דיא דריי מיידלעך־טעכטער זאָלען ריידען א טאָג איבער א טאָג ענגליש און פראנצויזיש; צו וואָס האָבען זיי אין בעשטימטע שטונדען געדארפט שפּיעלען קלאוויר, אומבייטענדיג איינע דיא אנדערע, אז דיא קלאנגען פון דיא טענער האָבען זיך געהערט אויבען ביים ברודער אין צימער, וואו דיא סטודענטען האָבען געלערענט; צו וואָס זיינען אהער געפאָהרען לעהרער פון פראנצויזישער ליטעראטור, פון מוזיק, פון צייכענען, פון טאנצען; צו וואָס זיינען דיא דריי פרייליינס אין בעשטימטע שטונדען צוזאמען מיט מאדמאזעל לינאָן צוגעפאָהרען אין א קאליאס צום טווערסקאָי בולוואר אין זייערע אטלאסענע פוטערלעך — דאללי אין א לאנגען, נאטאלי אין א האלב־לאנגען, און קיטי אין א קורצינקען פוטערל, אז איהרע סטאטנע פיסעלעך אין דיא פעסט אָנגעצויגענע רויטע זאָקען האָבען זיך געזעהען אין גאנצען אָפען; צו וואָס האָבען זיי געדארפט שפּאציערען אויפ׳ן טווערסקאָי בולוואר אין דער בעגלייטונג פון א לאקיי מיט א גיל־

**דערנער קאָקארדע** — דאָס אַלעס און נאָך פּיעלעס אַנדערעס וואָס האָט זיך געטאָהן אין זייער געהיימניספּולער וועלט, האָט ער ניט בּערשטאַנען. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אַלעס וואָס דאָרט האָט זיך געטאָהן, איז געווען שעהן און ער איז געווען פערליעבט אין דער דאָזיגער געהיימניספּולקייט פון אַלעס וואָס דאָרט האָט זיך געטאָהן.

אין זיינע סטודענטען־יאָהרען האָט ער זיך שיער ניט פערליעבט אין דער עלטערער, אין דאָללי; מען האָט איהר אָבער באַלד חתונה געמאַכט מיט אבלאנסקין. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבען צו פערליעבען אין דער צווייטער. ער האָט עפּעס אַזוי וויא געפיהלט, אַז ער דאַרף זיך פערליעבען אין איינער פון דיא שוועסטער, האָט אָבער ניט געקאָנט גענוי בעשטימען אין וועלכער. נור אויך נאַטאַלי, וויא זיא האָט זיך נור געוויזען אין געזעלשאַפט, האָט זיא חתונה געהאַט פאַר דעם דיפּלאָמאַט לוואָוו.

דער יונגער פירסט שטשערבאצקי איז אַריינגעטראָטען אויף דינסט אין פלאָט און ער איז דערטרונקען געוואָרען אין באַלטישען מעער. און דאַן זיינען דיא בעציהונגען פון לעווינען מיט דיא שטשערבאצקים איבערגעריסען געוואָרען. ניט קוקענדיג אויף זיין פריינדשאַפט מיט אבלאנסקי. ער האָט אָנגעהויבען זיין ביי זיי זעלטען. נור אין אָט דעם יאָהר, אָנפאַנג ווינטער, ווען לעווין איז געקומען אין מאָסקווא נאָך אַ יאָהר לאַנג פערברייננגען אין דאָרף, און ער האָט ווידער דערזעהען דיא פאַמיליע, האָט ער פערשטאַנען אין וועלכער פון דיא דריי איהם איז ווירקליך געווען באַשערט צו פערליבען זיך.

עס האָט געשיינט, אַז עס קאָן גאָר איינפאַכער קיין זאַך ניט זיין פאַר איהם, אַן אַדעליגער פון געבורט, פון גרוי סיחוס און גיכער רייך אַלס אָרעם, צוויי און דרייסיג יאָהר אַלט, וויא בעטען דיא האַנד פון פירסטין שטשערבאצקאיא; אָהן צווייפעל וועט מען דערויף קוקען וויא אויף אַ גוטען שידוך. אָבער לעווין איז געווען פערליעבט און דארום האָט זיך איהם געדוכט, אַז קיטי איז אַזאַ פאָלקאָמענהייט אין אַלע הינזיכטען, אַזאַ וועזען וואָס איז העכער פון אַלעס ערדישעס, און אַז ער אַליין איז אַזוי ערדיש, אַזאַ נידריגע בריאה, אַז ס'איז גאָר ניטאָ וואָס צו טראַכטען, אַז זיא און אַלע אַנדערע זאָלען איהם קאָנען רעכענען פאַר אַ פּאַסענדען חתן וואָס זאָל איהר ווערטה זיין.

אָבזייענדיג אין מאָסקווא, אַזוי וויא אין אַ טשאַד, צוויי חדשים, כמעט יעדען טאָג זעהענדיג זיך מיט קיטי אין געזעלשאַפט, וואוהין ער האָט אָנגעהויבען אויספאָהרען כדי צו טרעפען זיך מיט איהר, האָט ער פּלוצלונג בעשלאָסען, אַז דאָס איז אַ זאַך וואָס קאָן ניט זיין און איז אַוועקגעפאָהרען צוריק אין דאָרף.

זיין איבערצייגונג, אַז דאָס איז אַ זאַך וואָס קאָן ניט זיין איז געווען בעגרינדעט דערויף, וואָס אין דיא אויגען פון איהר פאַמיליע איז ער ניט קיין געלוינטע, ניט קיין ווערטהע פאַרטיי פאַר דער פּרעכטיגער קיטי, און אַז קיטי גופא קאָן איהם ניט ליעבען. אין דיא אויגען פון איהר משפחה איז ער געווען אַ מענש, וואָס האָט ניט קיין בעשטימטע טהעטיגקייט און שטעלונג אין געזעלשאַפט, אין דער צייט ווען זיינע חברים זיינען שוין איצט, ווען ער איז צוויי און דרייסיג יאָהר אַלט, אָנגעזעהענע פּערזאָנען, דער איז אַ פּאָלקאָווניק און פלי־

געל־אדיוטאַנט, יענער אַ פּראָפעסאָר, אַן אַנדערער אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק און פון אייזענבאַהנען אָדער אַ שעף פון ביוראָ אַזוי וויא אַבלאָנסקי. און ער (ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט וויא אַנדערע האָבען געדאַרפט קוקען אויף איהם) ער איז געווען אַ גוט־בעזיצער, וועלכער האָט זיך בעשעפטיגט מיט האָדעווען בהמות, געהן אויף געיעג, בויען געביידעס, דאָס הייסט ניט קיין געראָטענער קערל, פון וועלכען עס איז קיין רעכטס ניט ארויסגעקומען, און וועלכער באַשעפטיגט זיך מיט אַזעלכע זאַכען, מיט וועלכע עס באַשעפטיגען זיך מענשען וועלכע טויגען צו גאָרנישט.

און דיא געהיימניספולע, פרעכטיגע קיטי גופא האָט ניט געקאָנט ליעבען אַזאַ ניט קיין שעהנעם מענשען, וויא ער האָט זיך גערעכענט, און הויפּטזעכליך אַזאַ איינפאַכען מענשען, וועלכער צייכענט זיך מיט קיין זאַך ניט אויס. אויסער דעם האָט זיך איהם געדוכט נאָך, אַז זיינע פריהערדיגע בעציהונגען צו קיטי — דיא בעציהונגען פון אַן ערוואַקסענעם צו אַ קינד, צוליעב זיין פריינדשאַפט מיט איהר ברודער — זיינען אַ נייע שטערונג פאַר זיין ליעבע. אַ גוטען, ניט קיין שעהנעם מענשען, האָט ער ערקלעהרט, קאָן מען ליעבען וויא אַ גוטען פריינד, אָבער צו זיין געליעבט מיט יענער ליעבע וויא ער אַליין האָט געליעבט קיטי, דערצו דאַרף מען זיין אַ שעהנהייט, און הויפּטזעכליך — גאָר אַ בעזונדער מין מענש.

געהערט האָט ער אפילו, אַז פרויען ליעבען אָפט גראד ניט קיין שעהנע, דוקא פּראָסטע מענשען, ער האָט אָבער דאָס ניט געגלויבט, ווארום ער האָט געאורטהיילט פון זיך, אַזוי וויא ער אַליין וואָלט געקאָנט ליעבען בלויז שעהנע, געהיימניספולע און גאָר בעזונדער אויסגעצייכענטע פרויענצימער.

ווען ער איז אָבער אָבגעווען צוויי מאָנאַט אין דאָרף איינער אַליין האָט ער זיך איבערציייגט, אַז דאָס איז איצט שוין ניט געווען איינע פון יענע ליעבעס, וועלכע ער האָט געפיהלט אין זיין ערשטער יוגענד; אַז דאָס איז אַ־געפיהל וואָס לאָזט איהם קיין מינוט ניט רוהען, אַז ער קאָן ניט לעבען וואו ער זאָל ניט ענטשיידען דיא פראַגע: וועט זיא זיין זיינע אַ פרוי, און אַז זיין פערצווייפלונג קומט בלויז פון זיין פאַנטאַזיע, אַז אין דער ווירקליכקייט האָט ער קיינע בעווייזע ניט, אַז מען וועט איהם ענטזאגען. און ער איז דאָס איצט געקומען צו פאָהרען קיין מאָסקווא מיט דעם פעכטען בעשלוס, מאַכען אַ פאָרשלאַג און הייראַטהען, אויב מען וועט זיין פאָרשלאַג אָננעהמען. אָדער... ער האָט אַליין ניט געקאָנט זיינקען וועגען דעם וואָס עס וועט זיין מיט איהם, אויב מען וועט אָבזאָגען.

7.

אָנקומענדיג מיט דעם אין־דער־פריהעדיגען צוג אין מאָסקווא האָט זיך לעווין אָבגעשטעלט ביי זיין עלטערן ברודער פון איין מוטער, קאָזנישאָוו, און נאָך דעם וויא ער האָט איבערגעטאָהן זיינע קליידער, איז ער אַריינגעגאַנגען צום ברודער אין קאַבינעט, האָבענדיג דיא אַבזיכט גלייך טאַקע דערצעהלען איהם נאָך וואָס ער איז געקומען און פרעגען ביי איהם אַן עצה; אָבער דער ברודער איז געווען ניט אַליין. ביי איהם איז געזעסען אַ בעוואוסטער פּראָפעסאָר פון פילאָ־

# אננא קארענינא

סאָפיע, וועלכער איז געקומען צופאָהרען פון כארקאָוו צו ערקלעהרען א מיספערשטענדניס וואָס איז געשעהען צווישען זיי איבער זעהר א וויכטיגער פילאָזאָפישער פראגע.

דער פראָפעסאָר האָט געפיהרט א הייסע פאלעמיק געגען דיא מאטעריאליסטען, און סערגיי קאזנישעוו האָט זעהר אויפמערקזאם נאָכגעפאָלגט דיזע פאלעמיק און, איבערלעזענדיג דעם פראָפעסאָר'ס לעצטען ארטיקעל וועגען דעם, האָט ער איהם אָנגעשריבען אין א בריעף ויינע ארגומענטען. ער האָט דעם פראָפעסאָר פאָרגעווארפען, אז ער לאָזט צופיעל נאָך דיא מאטעריאליסטען. דער פראָפעסאָר האָט גערעכענט פאר נויטיג אליין צו קומען אום צונויפצורעדען זיך. עס האָט זיך געהאנדעלט אום דער מאָדערנער פראגע: צו איז פאראן א גרענעץ צווישען פסיכישע און פיזיאָלאָגישע ערשיינונגען אין דעם מענשענס טהעטיגקייט און וואו איז דער גרעניץ?

סערגיי איוואנאָוויטש האָט בעגעגענט דעם ברודער מיט זיין געוועהנליך העפליך־קאלטען שמייכעל, וועלכער ביי איהם איז געוועזען דערזעלביגער פאר אלעמען, און בעקאנט מאכענדיג איהם מיט דעם פראָפעסאָר, האָט ער פאָרטגעזעצט ווייטער דעם געשפרעך.

דער קליינינקער מענש אין ברילען, מיט א שמאָלען שטערן, האָט אויף אן אויגענבליק אָבגעצויגען זיך פון געשפרעך צו בעגריסען דעם פאָרגעשטעלטען און האָט פאָרטגעזעצט זיינע רייד, נישט צאָהלענדיג קיין אויפמערקזאמקייט אויף לעווינ'ען. לעווין האָט זיך געזעצט אום צו ווארטען ביז דער פראָפעסאָר וועט אוועקפאָהרען. ער האָט זיך אָבער באלד פאראינטערעסירט מיט דעם געגענשטאנד פון דעם געשפרעך.

לעווין האָט אין זשורנאלען בעגעגענט דיא ארטיקלען וועגען וועלכע דיא רייד זיינען געווען, און ער האָט זיי געלעזען און האָט זיך מיט זיי אינטערעסירט וויא מיט דער ענטוויקלונג פון דיא יסודות פון נאטור־וויכענשאפט, וועלכע זיינען איהם געוועזען בעקאנט ווארום ער האָט אין אוניווערזיטעט שטודירט נאטורוויסענשאפטען, ער האָט אָבער קיין מאָל ניט געמאכט קיין שייכות צווישען דיזע וויסענשאפטליכע אויספיהרונגען וועגען דער אבשטאמונג פון מענשען אלס א בריאה, וועגען רעפלעקסען, ביאָלאָגיע, און סאָציאלאָגיע מיט יענע פראגען וועגען דער בעדייטונג פון לעבען און טויט פאר איהם גופא, פראגען וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט אלץ אָפטער און אָפטער איהם געקומען אויפ'ן זינען.

הערענדיג דעם געשפרעך צווישען זיין ברודער און דעם פראָפעסאָר, האָט ער באמערקט אז זיי פערבינדען וויסענשאפטליכע פראגען מיט הארציגע, זיינען עטליכע מאָהל צוגעטראָטען צו דיא דאָזיגע פראגען, נור יעדעס מאָל וויא זיי קומען נור צו נעהנטער צום עיקר, וויא איהם האָט זיך געדוכט, אזוי רוקען זיי זיך באלד אָב צוריק און דערווייטערען זיך פון דער הויפט־זאך און פערטיעפען זיך ווידער אין א קרייז פון איידעלע צוטיילונגען, ארומריידענעס, ציטאטען, אנדייטונגען, שטיצען זיך אויף אויטאָריטעטען און ער האָט קוים פערשטאנען, וועגען וואָס דיא רייד איז.

# אננא קארענינא

— איך קאָן ניט דערלאָזען — האָט געזאָגט סערגיי איוואנאָוויטש מיט זיין געוועהנליכער קלאָהרקייט און פּינקטליכקייט אין אויסדרוק און שעהנקייט אין אויסשפּראַך — איך קאָן בשום אופן ניט איינשטימען מיט קעיסען, אז מיין גאַנצע פאָרשטעלונג וועגען דער אויסערליכער וועלט פליסט ארויס פון איינדריקע. דער עיקר בעגריף גופא פון זיין בעקום איך דאָך ניט דורך עמפּפינדונגען, ווארום עס איז דאָך ניטאָ קיין ספּעציעלער גליעד אום איבערצוגעבען אזא בעגריף.

— יא, אָבער זיי — וואורסט, קנאוסט און פּריפּאסאוו — זיי ווּעלען אייך דערויף ענטפערן, אז אייער בעוואוסטזיין פון זיין פליסט ארויס פון אלע עמפּפינדונגען צוזאמענגענומען, אז דיעזעס בעוואוסטזיין פון זיין, פון עקזיסטענץ, איז א רעזולטאט פון עמפּפינדונגען. וואורסט זאָגט זאָגאר גאַנץ קלאָהר, אז וויא באלד עס איז ניטאָ קיין עמפּפינדונג איז ניטאָ קיין בעגריף פון עקזיסטענץ.

— איך וועל זאָגען פּארקעהרט, — האָט אָנגעהויבען סערגיי איוואנאָוויטש.

אָבער דאָ האָט זיך לעווינען ווידער אויסגעוויזען, אז צוקומענדיג צו דעם עיקר, געהען זיי ווידער אָב פון איהם ווייטער, און ער האָט זיך ענטשלאָסען צו שטעלען א פראַגע דעם פּראָפעסאָר:

— הייסט דאָס, אז אויב מיינע געפיהלען ווערן פערניכטעט, אויב מיין קערפּער שטארבט, איז שוין קיין עקזיסטענץ ניט מעגליך? — האָט ער א פרעג געטאָהן.

דער פּראָפעסאָר האָט מיט א מין פערדרוס, עפּעס אזוי וויא פון גייסטיגען ווייטאָג וואָס מען האָט איהם איבערגעשלאָגען, א קוק געטאָהן אויף דעם זאָנ־דערבארען פראַגע שטעלער, וועלכער איז פיעל ענליכער אויף א בורלאק אלס אויף א פילאָזאָף און האָט דערנאָך איבערגעטראָגען זיינע אויגען אויף סערגיי איוואנאָוויטש, וויא ער וואָלט פרעגען: וואָס־זשע איז דאָ צו ריידען?

אָבער סערגיי איוואנאָוויטש, וועלכער האָט גערעדט ווייט ניט מיט יענער אנשטרענגונג און איינזייטיגקייט וויא דער פּראָפעסאָר, און ביי וועלכען אין קאָפּ עס איז נאָך געבליבען פרייער פּלאַץ אויף צו קאָנען ענטפערן דעם פּראָפעסאָר און אין דערזעלבער צייט אויך פאָרשטעהן יענעם איינפאַכען און נאַטירליכען שטאַנד־פּונקט, פון וועלכען עס איז געשטעלט געוואָרען דיא פראַגע, ער האָט א שמייכעל געטאָהן, זאָגענדיג:

— דיא דאָזיגע פראַגע האָבען מיר נאָך קיין רעכט ניט צו ענטשיידען...

— מיר האָבען ניט קיין דאטא — האָט בעשטעטיגט דער פּראָפעסאָר און האָט פאָרטגעזעצט זיינע ארגומענטען. — ניין — האָט ער געזאָגט — איך וויז אייך אָן דערויף, אז אויב עס איז אזוי וויא עס זאָגט אָפען פּריפּאסאָוו, אז דיא עמפּפינדונג האָט אלס איהר גרונד איינדרוק, דאַן דארפען מיר שטריינג אונטער־שיידען דיא דאָזיגע צוויי בעגריפען.

לעווין האָט שוין מעהר ניט געהערט און האָט בלויז געווארט, ווען דער פּראָפעסאָר וועט אוועקפאָהרען.

# א נ נ א   ק א ר ע נ י נ א

## 8.

ווען דער פּראָפעסאָר איז אַוועקגעפאָהרען האָט זיך סערגיי איוואַנאָוויטש געווענדעט צום ברודער:

— איך בין זעהר גערן וואָס דוא ביסט געקומען צופאָהרען. אויף לאַנג? וויא איז דיא ווירטהשאַפט?

לעווין האָט געוואוסט, אַז דעם ברודער אינטערעסירט וויניג דיא ווירטה־שאַפט און אַז ער טהוט איהם דאָס בלויז אַ געפעליגקייט, פרעגענדיג איהם וועגען דעם, און דארום האָט ער געענטפערט איהם בלויז וועגען פערקויפען ווייץ און וועגען געלד.

לעווין האָט געוואָלט דערצעהלען דעם ברודער וועגען זיין אַבזיכט צו הייראַטהען און פרעגען זיין עצה; ער האָט זיך זאָגאַר פעסט בעשלאָסען דערויף; נור ווען ער האָט דערזעהען דעם ברודער, האָט זיך צוגעהערט צו זיין געשפּרעך מיט'ן פּראָפעסאָר און דערנאָך געהערט זיין טאָן פון אַן עלטערן, וועלכער נעהמט איהם אין שוץ, וויא ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען דעם ווירטהשאַפטליכען צו־שטאַנד (זייער מוטערס ירושה איז געווען ניט צוטהיילט צווישען זיי און לעווין האָט פערוואַלטעט ביידע טהיילען) האָט ער דערפיהלט, אַז ער קאָן עפּעס ניט אָנ־הויבען צו ריידען מיט'ן ברודער וועגען זיין ענטשלוס צו הייראַטהען. ער האָט גע־פיהלט, אַז דער ברודער וועט קוקען דערויף ניט אזוי וויא איהם וואָלט זיך דאָס וועלען.

— נו, וויא געהט דאָס צו ביי אייך אין זעמסטווא? — האָט אַ פרעג גע־טאָהן סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך דערמיט שטאַרק אינטערעסירט און האָט דער טהעטיגקייט פון זעמסטווא צוגעגעבען גרויס בעדייטונג.

— איך ווייס ווירקליך ניט.

— וויא? דוא ביסט דאָך אַ מיטגליעד?

— ניין, שוין ניט. איך בין אַרויס — האָט געענטפערט לעווין — און איך פאָהר מעהר ניט אויף קיין זיצונגען.

— שאַדע — האָט אַרויסגערעדט סערגיי איוואַנאָוויטש פערדרוסליך.

לעווין האָט זיך אָנגעהויבען צו פערענטפערן און דערצעהלען וואָס עס טהוט זיך אָב צו לאַנד אויף דיא זעמסקע פערזאַמלונגען.

— אָט אַלע מאָל איז דאָס אזוי! — האָט איהם איבערגעשלאָגען סערגיי איוואַנאָוויטש — מיר, רוסישע, זיינען אַלע מאָל אזוי. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אַ גוטער צוג אין אונז — דיא פעהיגקייט צו זעהען אונזערע אייגענע חסרונות, אָבער מיר זאַלצען שוין איבער, מיר טרויסטען זיך מיט אַן איראָניע, וועלכע איז ביי אונז שטענדיג פאַרטיג אויף דער צונג. איך וועל דיר בלויז זאָגען, אַז פּרוביר נור געבען דיא דאָזיגע רעכטע, וויא אונזערע לאַנדישע איינריכטונגען, אַן אַנדער אייראָפּעאישען פאָלק — דיא דייטשען אָדער דיא ענגלענדער, זיי וואָלטען אויס־אַרבייטען דערפון פרייהייט און מיר לאַכען נור אָב.

— אָבער וואָס־זשע קאָן מען טאָהן? — האָט וויא אַ פערשולדיגטער גע־

# אננא קארענינא

זאָגט לעווין — דאָס איז געווען מיין לעצטער פּערזוך. איך האָב פון גאַנצען הארצען פּרובירט. איך קאָן ניט, בין אונפעהיג.

— ניט אונפעהיג — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש -- דוא קוקסט ניט אַזוי אויף דער זאַך.

— עס קאָן זיין — האָט טרויעריג געענטפערט לעווין.

— ווייסט דוא, ברודער ניקאָלאַי איז דאָך ווידער דאָ.

ניקאָלאַי איז דאָס געווען אַן עלטערער לייבליכער ברודער פון קאָנסטאַנטין לעווין און סערגיי איוואַנאָוויטש'עס אַ ברודער פון איין מוטער; אַ פערלאָרענער מענש, ער האָט צושוועגדעט אַ גרויסען טהייל פון זיין פערמעגען, האָט זיך ארומגעדרעהט אין דער זאָנדערבארסטער און שלעכטסטער געזעלשאַפט און האָט זיך צוריסען מיט דיא ברידער.

— וואָס רעדסט דוא? — האָט אַ דערשראָקענער אויסגעשריען לעווין — פון וואַנען ווייסט דוא?

— פּראָקאפיע האָט איהם געטראָפען אין גאַס.

— דאָ? אין מאָסקווא? וואו איז ער? דוא ווייסט? — לעווין איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל, אַזוי וויא ער וואָלט זיך צוקלייבען שוין צו געהן.

— מיך פערדריסט, וואָס איך האָב דיר דאָס געזאָגט — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף דער צוטראָגענהייט פון זיין יונגערן ברודער — איך האָב געשיקט אויסגעפינען וואו ער וואָהנט און האָב איהם אָבגעשיקט זיין וועקסעל וואָס ער האָט ארויסגעגעבען טרובינען און וועלכען איך האָב בעצאָהלט. אָט וואָס ער האָט מיר געענטפערט.

און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט דערלאַנגט דעם ברודער אַ צעטעל פון אונטער'ן פּרעס־פּאַפּיע.

לעווין האָט איבערגעלעזען דאָס אָנגעשריבענע זאָנדערבארע און לעבערליכע האַנדשריפט: „איך בעט אונטערטעניגליך מען זאָל מיך לאָזען צורוה. דאָס איז דאָס איינציגע וואָס איך פאָדער פון מיינע ליעבע ברידערלעך. ניקאָלאַי לעווין.“

לעווין האָט דאָס איבערגעלעזען און, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ איז ער מיט'ן צעטעל אין האַנד געבליבען שטעהן לעבען סערגיי איוואַנאָוויטש. אין הארצען ביי איהם האָבען געקעמפּפט דער פערלאַנג צו פארגעסען איצט וועגען זיין אונגליקליכען ברודער און דאָס בעוואוסטזיין, אַז עס וועט זיין שלעכט אַזוי צו טאָהן.

— אַפּנים ער וויל מיך בעליידיגען — האָט פאָרטגעזעצט סערגיי איוואַנאָוויטש — אָבער בעליידיגען מיך קאָן ער ניט, און איך וואָלט פון גאַנצען הארצען געוואָלט העלפען איהם, אָבער איך ווייס אַז מען קאָן דאָס ניט טאָהן.

— יא, יא — האָט ווידערהאָלט לעווין — איך פארשטעה און שעץ אָב דיינע בעציהונגען צו איהם; אָבער איך וועל פאָהרען צו איהם.

— אויב דיר ווילט זיך, פאָהר אריבער, אָבער איך ראַטה דיר ניט — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש — דאָס הייסט, וואָס מיר אַנבעלאַנגט האָב איך דערפאַר קיין מורא ניט: ער וועט צווישען דיר און מיר קיין שנאה ניט מא־

כען; נור פאר דיר גופא, ראטה איך, אז דוא זאָלסט בעסער ניט פאָהרען. ווארום העלפען קאָן מען ניט. איבעריגענס, טהו וויא דוא ווילסט.

— עס קאָן זיין, אז העלפען קאָן מען ניט, אָבער איך פיהל, בעזונדער נאָך אין דער מינוט — נור דאָס איז אַן אנדער זאַך — איך פיהל אז איך קאָן ניט בלייבען רוהיג.

— נו, דאָס פערשטעה איך ניט — האָט געזאָגט סערגיי איוואנאָוויטש — איך פערשטעה נור איינס. דאָס איז אַ לעקציע פון הכנעה. איך האָב אנדערש און גנעדיגער אָנגעהויבען צו קוקען אויף דאָס, וואָס מען רופט לומפעריי, נאָך דעם וויא אונזער ברודער ניקאָלאי איז געוואָרען דאָס, וואָס ער איז... דוא ווייסט וואָס ער האָט געטאָהן....

— אך, דאָס איז שרעקליך, שרעקליך! — האָט ווידערהאָלט לעווין.

ערהאַלטענדיג פון דעם לאַקיי דעם אדרעס פון ברודער, האָט לעווין זיך באַלד געקליבען אריבערצופאָהרען צו איהם, ער האָט אָבער נאָכגעדיינקט און האָט בעשלאָסען אָבצולייגען דאָס ביז אָבענד. ערשטענס אום צו האָבען זעעלען־רוהע דארף ער פריהער ענדיגען יענע אנגעלעגענהייט צוליעב וועלכער ער איז געקומען צופאָהרען קיין מאסקווא. פון קאָנישאָווען איז לעווין געפאָהרען צו אבלאָנסקיין אין ביורא און, דערוויסענדיג זיך פון איהם וועגען דיא שטשערבאַצקים, איז ער אוועק אהין, וואוהין מען האָט איהם געזאָגט, אז ער קאָן געפינען קיטי.

## 9.

אום פיער אוהר, פיהלענדיג וויא זיין הארץ קלאַפּט, איז לעווין אראָב פון׳ם איזוואָזטשיק לעבען זאָאָלאָגישען גארטען און איז אוועק מיט׳ן וועג צו דיא בערג און צום גליטש, וויסענדיג אויף זיכער, אז ער וועט זיא דאָרט געפינען, ווארום ער האָט געזעהען ביים צופאָהר דיא קאַרעטע פון דיא שטשערבאַצקים.

ס׳איז געווען אַ קלאָהרער, פראָסטיגער טאָג. ביי׳ם צופאָהר זיינען געשטאַנען גאַנצע רייהען קאַרעטען, שליטענס, לאַקייען, זשאַנדאַרען. עס האָט געקאָכט פון זויבערן פובליקום, וועלכער האָט געשיינט מיט דיא היט אונטער דער ליכטיגער זונן, עס האָט געקאָכט פון מענשען אויף דיא דורכגערייניגטע וועגען און שטעגעלעך צווישען דיא רוסישע הייזלעך מיט געשניצטע קאַרניזען; דיא אַלטע, קרויזעלדיגע בעריאָזעס פון גארטען, בעהאַנגען מיט שנעע אויף אַלע צווייגען, זיינען געווען אזוי וויא אויסגעפוצט אין נייע יום׳טוב׳דיג־געהויבענע מאַנטלען.

ער איז געגאַנגען אויף דעם וועג צום גליטש און האָט צו זיך גערעדט: „מען דארף ניט אויפגערעגט זיין, מען דארף בערוהיגען זיך. וועגען וואָס ביסט דוא דאָס אזוי? וואָס איז מיט דיר? שווייג דוא נארישעס..." — האָט ער גערעדט צו זיין הארץ. און וואָס מעהר ער האָט געזוכט צו בערוהיגען זיך, אַלץ

# אננא קארענינא

מעהר האט דאס איהם פערקאפט דעם אטהעם. א בעקאנטער האט איהם בעגע־נענט און גערופען, לעווין האט אבער גאר אפילו ניט דערקענט ווער דאס איז געוועןְ. ער איז צוגעגאנגען צו דיא בערג, אויף וועלכע עס האבען געקלונגען דיא קייטען פון דיא שליטלעך, וועלכע האבען זיך פון דארט ארא־בגעלאזען, עס האבען גע־קנאקט דיא שליטעלעך און עס האבען געקלונגען פרעהליכע שטימען. ער איז דורכ־נעגאנגען נאך עטליכע טריט, און פאר איהם האט זיך צועעפענט דער גליטש, און באלד טאקע האט ער צווישען דיא אלע גליטשענדע דערקענט זיא.

ער האט דערקענט, אז זיא איז דא פון דער פרייד און פון דעם שרעק, וואס האט אנגעכאפט זיין הארץ. זיא איז געשטאנען און גערעדט מיט א דאמע אויף דעם געגענזייטיגען עק פון גליטש. עס איז דוכט זיך קיין בעזאנדערעס ניט געוועןְ, ניט אין איהר קליידונג און ניט אין איהר פאזע; אבער פאר לעווינען איז אזוי לייכט געוועןְ צו דערקענען זיא אין דיזער מאסע, וויא א בלום צווישען קראפיווע. אלעס איז געוועןְ בעלויכטען פון איהר. זיא איז געוועןְ יענער שמייכעל, וואס האט בעשטראהלט אלעס ארום.

„ניט־שוין־זשע קאן איך אריבערגעהן אהין אויפ'ן אייז און צוגעהן צו איהר?“ — האט ער א טראכט געטאהן. דער פלאץ, וואו זיא איז געשטאנען, האט איהם אויסגעוויזען אלס אן אונצוגענגליכע הייליגקייט, און עס איז געוועןְ א מינוט, וואס ער איז שוין שיער ניט אוועק צוריק: אזוי מורא'דיג איז איהם געוואָרען. ער האט געמוזט מאכען אן אנשטריינגונג איבער זיך און בעדרייגקען, אז ארום איהר דרעהען זיך ארום אלערליי מענשען, אז ער אליין האט דאך אויך גע־מעגט קומען אהין גליטשען זיך. ער איז ארונטער אונטען, אויסמיידענדיג פון צו קוקען אויף איהר לאנג, וויא אויף דער זונן, ער האט זיא אבער געזעהען, אזוי וויא דיא זונן, אויך ניט קוקענדיג.

אין דעם דאזיגען טאג פון וואך האבען זיך אויף דעם אייז־גליטש צונויפ־געזאמעלט מענשען פון'ם זעלבען קרייז, אלע בעקאנטע צווישען זיך. דא זיינען געוועןְ בריה'שדיגע גליטש־קינסטלער, וועלכע האבען געפראנטעוועט מיט זייער קונסט, און אזעלכע וואס האבען זיך געלעהרנט הינטער גליטש־שטוהלען, מיט שרעקענדיגע, ניט־בעקוועמע בעוועגונגען, און אינגלעך, און אלטע לייט, וועלכע האבען זיך געגליטשט צוליעב היגיענישע צוועקען. זיי האבען אלע אויסגעוויעזען זיך פאר לעווינען אלס אויסערוועהלטע גליקליכע, ווארום זיי זיינען אלע געוועןְ דא, נאהענט פון איהר. אלע גליטשער, וויא איהם האט אויסגעוויעזען, האבען גאנץ גלייכגילטיג דעריאגט זיא, איבערגעיאגט, אויסגעגלייכט זיך מיט איהר און האָ־בען אפילו גערעדט מיט איהר און גאנץ אונאבהענגיג פון איהר געפרעהט זיך, הנאה האבענדיג פון דעם גוטען אייז און שעהנעם וועטער.

ניקאלאי שטשערבאצקי, קיטים שוועסטערקינד, איז געזעסען אויפ'ן באנק אין א קורצען זשאקעט און אנגעצויגענע הויזען, מיט דיא גליטש־אייזענס אויף דיא פיס. דערזעהענדיג לעווינען, האט ער איהם צוגעשריען:

— א, דער ערשטער רוסישער גליטש־לויפער! שוין לאנג דא? פראכטי־גער אייז, טהוט אן דיא גליטש־אייזענס.

— איך האב קיינע — האט געענטפערט לעווין, וואונדערנדיג זיך אויף

# אננא קארענינא

די דרייסטקייט און דאָס ניט זשעניִרען זיך אין איהר אנוועזענהייט. ער האָט אויף קיין זעקונדע ניט פערלאָרען זיא פון די אויגען, אָבוואָהל ער האָט ניט געקוקט אויף איהר.

זיא איז געשטאַנען אויפ'ן ווינקעל און א דריק טאָהן'דיג איהרע ענגע פיסלעך אין דיא הויכע שטיפעלעך, א פּנים ציטערינגלעך, האָט זיא זיך געגליטשט צי איהם. זיא האָט זיך געגליטשט ניט גאָר זיכער. ארויסנעהמענדיג דיא הענד פון דער קליינער מופטע, וואָס איז געהאַנגען אויף א שנירעל, האָט זיא זיי גע־האַלטען אָנגעגרייט, קוקענדיג אויף לעווינען, וועלכען זיא האָט דערקענט און האָט איהם צוגעשמייכעלט. ווען זיא איז אריבער דעם פארקעהר האָט זיא זיך א שטופּ געטאָהן מיט דער פעסטער פיסעל און האָט זיך צוגעגליטשט גלייך צו שטשער־באצקי; אנכאפּענדיג זיך פאר איהם מיט דער האנד, האָט זיא זיך שמייכלענדיג א נייג געטאָהן צו לעווינען. זיא איז געווען שעהנער איידער ער האָט זיא זיך פאָרגעשטעלט.

ווען ער פלעגט טראכטען וועגען איהר, האָט ער זיך לעבעדיג געקאנט פאָרשטעלען זיא אין גאנצען, בעזאָנדערנס דיא פּרעכטיגקייט פון דיזען קליינעם בלאָנדען קעפּעל, מיט דעם אויסדרוק פון קינדערשע קלאָהרקייט און גוטסקייט,— דעם בלאָנדען קעפּעל, וועלכער זיצט אזוי פריי אויף דיא שטאטנע מיידעלשע פּלייצקעס. דער קינדערשער אויסדרוק פון איהר פּנים צוזאמען מיט דער איידע־לער שעהנקייט פון איהר טאַליע, דעריין איז בעשטאַנען איהר בעזונדער פּראכט, וועלכע ער האָט אזוי גוט פערשטאַנען. אָבער וואָס איהם האָט תמיד, אזוי וויא אונערוואַרטעט איבערראַשט אין איהר, איז געווען דער אויסדרוק פון איהרע אויגען, ווייכע, רוהיגע, וואָהרהייטליכע, און בעזונדער נאָך איהר שמייכעל, וועל־כער האָט אימער לעווינען אויפגעהויבען און אוועקגעטראָגען אין א צויבער־וועלט, וואו ער האָט זיך געפיהלט אזוי מילד, אזוי זאנפטיג, וויא ער האָט זיך געדיינקט בלויז אין דיא זעלטענע טעג פון זיין פריהער קינדהייט.

— זייט איהר שוין לאַנג דאָ ? — האָט זיא געפרעגט דערלאַנגענדיג איהם דיא האנד. — דאנק — האָט זיא צוגעלייגט, ווען ער האָט פאר איהר אויפגעהוי־בען דיא טאַשענטיכעל, וואָס איז ארויסגעפאַלען פון איהר מופטע.

— איך ? איך בין ניט לאַנג, נעכטען... דאָס הייסט היינט... געקומען צופאָהרען — האָט געענטפערט לעווין, ניט פאָרשטעהענדיג גלייך איהר פראגע איבער זיין צוטראַגענהייט — איך האָב געוואָלט פאָהרען צו אייך — האָט ער געזאָגט און האָט זיך באַלד דערמאָהנט מיט וועלכער אבזיכט ער האָט זיא געזוכט, האָט זיך דאַרום צומישט און איז רויט געוואָרען — איך האָב ניט געוואוּסט, אז איהר גליטשט זיך, און איהר גליטשט זיך שעהן.

זיא האָט אויפמערקזאַם אויף איהם א קוק געטאָהן אזוי וויא זיא וואָלט געוועלט פאַרשטעהן דיא אורזאכע פון זיין פערלעגענהייט.

— אייער לויב דאַרף מען שעצען. דאָ געדיינקט מען דאָך נאָך וועגען אייך וויא וועגען דעם בעסטען גליטשער — האָט זיא געזאָגט אראָבשאַרענדיג מיט איהר קליינער הענטעל אין דער שווארצער האַנדשוה דיא שטיקלעך פראָסט, וואָס זיינען געווען אויף איהר מופטע.

# א נ נ א  ק א ר ע נ י נ א

— יא, איך פלעג אמאָל זיך גליטשען ליידענשאפטליך — האָט ער געזאָגט — איך האָב געוואָלט עררייכען דעריין פאָלקאָמענהייט.

—איהר טהוט, דוכט זיך, אלעס ליידענשאפטליך — האָט זיא געזאָגט מיט א שמייכעל — איך וואָלט אזוי וועלען זעהען וויא איהר גליטשט זיך. טהוט אָן דיא גליטש־אייזענס און קומט לאָמיר זיך גליטשען צוזאמען.

— „גליטשען זיך צוזאמען! זאָל דאָס מעגליך זיין?“ האָט געטראכט לעווין, קוקענדיג אויף איהר.

— איך טהו גלייך אָן — האָט ער געזאָגט. און ער איז אוועק אָנצוטהאָן דיא גליטשערס.

— שוין לאנג זייט איהר ביי אונז ניט געוועןן — האָט געזאָגט דער גליטש־מאָן, אונטערהאלטענדיג לעווינס פיס און אנשרויפענדיג דיא קנאפעל — זינט אייך איז ניטאָ קיינער פון דיא העררען וואָס זאָל זיין אזא מייסטער. וועט זיין גוט אזוי? — האָט ער געפרעגט אָנציהענדיג דעם רימען.

— גוט, גוט, שנעלער, זייט אזוי גוט — האָט געענטפערט לעווין, קוים צוריקהאלטענדיג דעם שמייכעל פון גליק, וועלכער איז ניט וועלענדיג ארויסגע־טראָטען אויף זיין פנים. „יא — האָט ער געטראכט — אָט דאָס איז לעבען, אָט דאָס איז גליק! צ ו ז א מ ע ן, האָט זיא געזאָגט — ק ו מ ט  ל אָ מ י ר  ג ל י ט ש ע ן  ז י ך  צ ו ז א מ ע ן, זאָל איך איהר איצט זאָגען? אָבער טאקע מחמת דעם האָב איך דאָך דאָס איצט מורא צו זאָגען, ווייל איצט בין איך גליקליך, גליקליך וויינינגסטענס פון דער האָפענונג... און דערנאָך... אָבער מען דארף דאָך! מען דארף, מען דארף! אוועק שוואכקייט!“

לעווין האָט זיך געשטעלט אויף דיא פיס, האָט אראָבגענומען דעם מאנטעל, איז זיך צולאָפען איבער דעם צוקרימטען אייז לעבען הייזעל פון גליטש, איז ארויסגעלאָפען דערנאָך אויף דעם גלאטען אייז און האָט זיך אוועקגעגליטשט אָהן אנשטריינגונג, אזוי וויא מיט זיין ווילען בלויז וואָלט ער פארקלענערן, פארשנע־לערן און קירעווען זיין גליטשען־זיך. ער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר זעהר שעהמעוודיג, אָבער איהר שמייכעל האָט איהם ווידער בערוהיגט.

זיא האָט איהם דערלאנגט דיא האנד, און זיי זיינען אוועק אין איין רייהע, פערשנעלערנדיג דעם גאנג, און וואָס שנעלער אלץ פעסטער האָט זיא געדריקט זיין האנד.

— מיט אייך וואָלט איך זיך שנעלער אויסלערנען, איך פיהל זיך עפעס זיכערער מיט אייך — האָט זיא איהם געזאָגט.

— און איך אליין בין אויך זיכער אין זיך, ווען איהר לעהנט זיך אָן אויף מיר — האָט ער געזאָגט, נור ער האָט זיך באלד דערשראָקען פאר זיינע ווערטער און איז רויט געוואָרען. אוןווירקליך, וויא נור ער האָט ארויסגערעדט אָט דיא ווערטער, פלוצלונג, אזוי וויא דיא זונן וואָלט פארגעהן הינטער דיא וואָלקענס; איהר פנים האָט פערלאָרען דיא גאנצע מילדקייט, און לעווין האָט דערקענט דאָס בעקאנטע שפיעל פון איהר געזיכט, וואָס האָט בעדייט אן אנשטריינגונג פון גע־דאנק; אויף איהר גלאטען שטערן איז אָנגעלאָפען א קנייטשעל.

— איז אייך עפּעס אונאנגענעהם ? איבעריגענס, איך האָב קיין רעכט ניט צו פרעגען — האָט ער שנעל א זאָג געטאָהן.

— פאר וואָס ?... ניין, איך האָב קיין אונאנגענעהמליכקייט ניט — האָט זיא געענטפערט קאַלט און האָט באלד צוגעלייגט : איהר האָט נאָך ניט געזעהען מאדמאזעל לינאָן ?

— ניין נאָך.

— געהט דאָך צו איהר, זיא ליעבט אייך אזוי זעהר.

„וואָס הייסט דאָס ? איך האָב זיא געערגערט. גאָט, העלף מיר!“ האָט געטראכט לעווין און איז געלאָפען צו דער אלטער פראנצויזקע מיט דיא גרויע קרויזלעך, וועלכע איז געזעסען אויפ׳ן באַנק. שמייכלענדיג און אויסשטעלענדיג איהרע פאלשע צייהן, האָט זיא איהם בעגעגענט ווי אן אלטען פריינד.

— אָט אזוי וואקסען מיר — האָט זיא איהם געזאָגט, ווייזענדיג מיט דיא אויגען אויף קיטי — און מיר עלטערען זיך. „טאַיני בער“ איז שוין געוואָרען א גרויסער ! — האָט פאָרטגעזעצט דיא פראַנצויזקע לאכענדיג און האָט איהם דער־מאָנט זיין וויץ וועגען דיא דריי שוועסטער, וועלכע ער האָט אָנגערופען מיט דיא נעמען פון דריי בערען, פון אן ענגלישער מעשהלע. — געדיינקט איהר, אז איהר פלעגט זיא אזוי רופען ?

ער האָט דאָס לחלוטין ניט געקאנט דערמאָנען זיך, נור זיא האָט שוין א יאָהר צעהן אלץ דערמאָנט דעם וויץ, האָט געלאכט און געליעבט איהם צו וויעדער־האָלען.

— נו, געהט, געהט גליטשען זיך. און אונזער קיטי האָט אָנגעהויבען שעהן צו גליטשען זיך. ניט וואהר?

ווען לעווין איז צוגעלאָפען צו קיטי, איז איהר געזיכט שוין ניט געוועזען אזוי שטריינג, דיא אויגען האָבען געקוקט ווידער וואָרהייטליך און מילד, אָבער לעווינען האָט זיך געוויזען, אז אין איהר מילדקייט איז געוועזען א בעזונדערער, אן אבזיכטליך רוהיגער טאָן. און איהם איז געוואָרען טרויעריג. ריידענדיג וועגען איהר אלטער גאָווערנאַנטין, וועגען איהרע זאָנדערבארקייטען, האָט זיא איהם אָנגעהויבען אויספרעגען וועגען זיין לעבען.

— ניט־שוין־זשע איז אייך ווינטער ניט אומעטיג אין דאָרף ? — האָט זיא געפרעגט.

— ניין, ניט אומעטיג, איך בין זעהר באשעפטיגט — האָט ער געענט־פערט פיהלענדיג, אז זיא אונטערוואַרפט איהם אונטער איהר רוהיגען טאָן, פון וועלכען ער וועט קיין כח ניט האָבען ארויסצוגעהן, פונקט אזוי וויא דאָס האָט מיט איהם שוין פּאַסירט אָנפאנג ווינטער.

— זייט איהר אויף לאנג געקומען ? — האָט קיטי איהם א פרעג געטאָהן.

— איך ווייס ניט — האָט ער געענטפערט, ניט טראכטענדיג וועגען דעם וואָס ער רעדט. דער געדאַנק, אז אויב ער וועט זיך איצט אונטערגעבען איהר טאָן פון רוהיגער פריינדשאַפט, וועט ער ווידער דארפען אוועקפאָהרען קיין זאך ניט

בעשליסענדיג, איז איהם ארויפגעקומען אויפן זינען און ער האָט זיך ענטשלאָסען צו עמפּפעהרען.

— וואָס הייסט איהר ווייסט ניט?

— איך ווייס ניט. דאָס הענגט אָב פון איך — האָט ער געזאָגט און האָט זיך גלייך דערשראָקען פאר זיינע ווערטער.

צו האָט זיא ניט געהערט זיינע ווערטער אָדער האָט ניט געוואָלט הערען, נור זיא האָט זיך עפּעס וויא פּארצעפּעט, האָט צוויי מאָהל א קלאַפּ געטאָהן מיט'ן פיסעל, און האָט זיך שנעל אוועקגעגליטשט פון איהם, אָבגעווייטערט. זיא האָט זיך צוגעגליטשט צו מאַדמאַזעל לינאָן, האָט איהר וואָס געזאָגט און האָט אָנגעהויבען געהן צום הויז, וואו דיא דאמען האָבען אראָבגענומען זייערע גליטש־אייזענס פון דיא שיך.

— מיין גאָט, וואָס האָב איך געטאָהן. גאָט מיין גאָט! העלף מיר, לעהרען מיך! — האָט גערעדט לעווין, תפילה טאָהנ'דיג און אין דערזעלבער צייט פיהלענדיג דיא באדערפניס שטאַרק צו באוועגען זיך, איז זיך צולאָפען און האָט אויסגעמאַכט פערשיעדענע קרייזען.

אונטערדעסען איז איינער פון דיא יונגע מענשען, דער בעסטער פון דיא איצטיגע גליטשערס, מיט א פּאַפּיראָס אין מויל, ארויסגעלאָפען פון קאפּעע־רעסטאָראַן און צולויפענדיג זיך האָט ער זיך א לאָז געטאָהן אראָב דיא טרעפּ, קנאַקענדיג און אונטערשפּרינגענדיג. ער האָט געגעבען א פליה אראָב, און ניט בייטענדיג אפילו דיא פרייע האַלטונג פון זיינע הענד, האָט ער זיך אוועקגעלאָזען איבערן אייז-גליטש.

— אך, דאָס איז דאָך א נייער קונץ! — האָט געזאָגט לעווין און תיכף ארויפגעלאָפען ארויף דיא טרעפּלעך, אום צו מאכען אויך דעמזעלבען קונץ.

— ווערט ניט דער'הרג'עט, דערצו פּאָדערט זיך געוועהנהייט! — האָט איהם א געשריי געטאָהן ניקאָלאי שטשערבאצקי.

לעווין איז זיך צולאָפען אויבען וויפיעל ער האָט געקענט און האָט זיך דאַן מיט אמאָל א לאָז געטאָהן אראָב, איינהאַלטענדיג דאָס גלייכגעוויכט פון דיא הענד. אויף דעם לעצטען טרעפּעל האָט ער זיך פאַרצעפּעט, אָבער קוים א ריהר טאָהענדיג דעם אייז מיט'ן האַנד, האָט ער געמאַכט א שטאַרקע, פלינקע בעוועגונג, האָט זיך אויסגעקעהרט און לאַכענדיג אוועק פלינק איבער'ן גליטש.

— א וואוילער, א ליעבליכער — האָט א טראַכט געטאָהן קיטי, אין דער מינוט ארויסגעהענדיג פון הייזעל מיט מאַדמאַזעל לינאָן און קוקענדיג אויף איהם מיט א שמייכעל פון שטילער צערטליכקייט, וויא אויף א ליעבען ברודער — זאָל איך דען אין עפּעס שולדיג זיין, האָב איך דען געטאָהן עפּעס וואָס שלעכטעס? זיי זאָגען: קאָקעטעריי. איך ווייס אז איך ליעב ניט איהם; אָבער מיר איז עפּעס פרעהליכער מיט איהם, און ער איז אזא וואוילער. נור צו וואָס האָט ער דאָס געזאָגט? — האָט זיא געטראַכט.

דערזעהענדיג וויא קיטי און איהר מוטער געהן אוועק, האָט לעווין, א צורויטעלטער פון דיא שנעלע בעוועגונגען, זיך אָבגעשטעלט און האָט זיך פער־

# אננא קארענינא

טראכט. ער האָט אראָבגענומען פון דיא פיס דיא גליטש־אייזענס און האָט זיי דערלאַנגט ביים ארויסגאנג פון גארטען.

— בין זעהר גערן אייך צו זעהען — האָט געזאָגט דיא פירסטין — דאָ־נערסטאגס, וויא אימער, נעהמען מיר אויף.

— הייסט דאָס היינט ?

— וועלען זעהר גערן זיין אייך צו זעהען — האָט טרוקען געזאָגט דיא פירסטין.

דיא טרוקענקייט פון דער פירכטין האָט קיטי׳ן פערדראָסען, און זיא האָט זיך ניט געקענט צוריקהאלטען פון דעם וואונש צו פארגלעטען דיא מוטער׳ס קאלטקייט. זיא האָט א קעהר געטאָהן דעם קאָפּ און האָט מיט א שמייכעל א זאָג געטאָהן :

— אויף ווידער זעהן.

אין דער מינוט איז סטעפּאן ארקאדיעוויטש, מיט׳ן הוט אויף א זייט, גלענצענדיג מיט זיין פּנים און אויגען, וויא א פרעהליכער זיגער אריינגעגאנגען אין גארטען. נור צוגעהענדיג צו דער שוויגער האָט ער מיט א טרויעריגען, פער־שולדיגטען פּנים געענטפערט אויף איהרע פראגען וועגען דאלליס געזונד. אָב־ריידענדיג שטיל און מוטהלאָז מיט דער שוויגער, האָט ער אויסגעגלייכט ווידער דיא ברוסט און האָט גענומען געארעמט לעווינען.

— נו, וואָס, פאָהרען מיר ? האָט ער א פרעג געטאָהן — איך האָב אלץ געטראכט וועגען דיר און איך בין זעהר, זעהר גערן וואָס דוא ביסט געקומען צו־פאָהרען — האָט ער געזאָגט מיט א בעדייטענדען פּנים קוקענדיג איהם אין דיא אויגען.

— מיר פאָהרען, מיר פאָהרען — האָט געענטפערט דער גליקליכער לע־ווין, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו הערען דעם קלאנג פון דער שטימע, וועלכע האָט איהם געזאָגט „אויף ווידער זעהן“ און צו זעהען דעם שמייכעל מיט וועלכען דאָס איז געזאָגט געוואָרען.

— אין האָטעל „ענגלאנד“ אָדער אין „ערמיטאזש“?

— מיר איז אלץ איינס.

— נו, אין „ענגלאנד“ — האָט געזאָגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש, אויס־קלייבענדיג „ענגלאנד“ דערפאר, ווייל דאָרט איז ער מעהר שולדיג געווען אלס אין „ערמיטאזש.“ ער האָט דארום גערעכענט פאר ניט שעהן אויסצומיידען דעם דאָזיגען האָטעל.

— דוא האָסט אן איזוואָזטשיק ? — האָט ער א פרעג געטאָהן — נו, איז גוט, ווארום איך האָב אָבגעלאָזען מיין קארעטע.

דעם גאנצען וועג האָבען דיא גוטע פריינד געשוויגען. לעווין האָט גע־טראכט וועגען דעם, וואָס עס קאָן בעדייטען דיא שנעלע ענדערונג אין דעם אויס־דרוק פון קיטי׳ס געזיכט, און ווילעוויז האָט ער זיך איינגעשמועסט, אז עס איז פאראן האָפענונג און ווילעוויז איז ער געוואָרען פערצווייפעלט און האָט קלאָהר געזעהען, אז אזא האָפענונג איז אונזיניג. נור דערוויל האָט ער זיך געפיהלט גאָר וויא אן אנדער מענש, גאָר ניט עהנליך צו דעם, וויא ער איז געווען איידער זיא

האט צו איהם א שמייכעל געטאהן און געזאגט: אויף ווידערזעהען.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט אויפ'ן וועג דערוייל צוגעטראכט וועלכע געריכטען צו בעשטעלען פאר מיטאג.

— דוא האסט דאך ליעב טיורבא? — האט ער געזאגט לעווינען, ווען זיי זיינען צוגעפאהרען.

— וואס? — האט איבערגעפרעגט לעווין — טיורבא? יא, איך האב שרעקליך ליעב טיורבא.

## .10

ווען לעווין מיט אבלאנסקין זיינען אריין אין האטעל, האט ער ניט געקאנט ניט בעמערקען עפעס א בעזונדער אויסדרוק, עפעס אזוי וויא א צוריקגעהאלטענע ליכטיגקייט אויפ'ן פנים און אין דער גאנצער פיגור פון סטעפאן ארקאדיעוויטש. אבלאנסקי האט אראפגענומען דעם מאנטעל און מיט'ן הוט אויף א זייט איז ער דורכגעגאנגען צום עסס־צימער, אבגעבענדיג א בעפעהל דיא טאטארען־לאקייען אין פראקען און מיט סאלפעטקעס. בעגריסענדיג רעכטס און לינקס צו דיא איינגעפונענע אין רעסטאראן, און אויך דא, אזוי וויא אומעטום, טרעפענדיג מיט פרייד זיינע בעקאנטע, איז ער אונטערגעגאנגען צום בופעט, האט פערביסען א שנאפס מיט פישלעך און האט עפעס א זאג געטאהן דער אנגעפארבטער פראנצויזקע אין בענדלעך, שפיצען און גרייזלעך, וועלכע איז געזעסען ביים בופעט, און דיא פראנצויזקע האט זיך אויפריכטיג צולאכט.

לעווין האט אבער קיין שנאפס ניט געמאכט טאקע מחמת דעם וואס איהם איז פארגעקומען אלס א בעליידיגונג אט דיא פראנצויזקע, וועלכע איז אין גאנצען געוועזען צוזאמענגעשטעלט, האט זיך געדוכט, פון פרעמדע האאר, פודרע דעריז און ווינעגר דע טואלעט. ער איז שנעל אוועק פון איהר וויא פון א שמוציגען פלאץ. זיין גאנצע נשמה איז געוועזען פול מיט עראינערונגען וועגען קיטי און אין זיינע אויגען האט געלויכטען א שמייכעל פון שמחה און גליק.

— אהער, אייער דורכלויכט, ביטטע, דא וועט מען אייער דורכלויכט ניט בעאונרוהיגען — האט געזאגט דער בעזונדער קלעפעדיגער אלטער טאטאר מיט א ברייטען הינטער־טהייל אויף וועלכען עס זיינען זיך צוגאנגען דיא פאלדען פון פראק — ביטטע, אייער דורכלויכט, — האט ער געזאגט צו לעווינען, אלס צייכען פון אכטונג צו סטעפאן ארקאדיעוויטש ארומטאנצענדיג אויך ארום זיין גאסט.

שנעל צושפרייטענדיג א פרישע טישטוך אויף דעם שוין געדעקטען טיש, האט ער צוגערוקט דיא זאמעטענע שטוהלען און האט זיך אבגעשטעלט לעבען סטעפאן ארקאדיעוויטש מיט א סאלפעטקע און שפייז־קארטע אין האנד, ווארטענדיג אויף א באפעהל.

— אויב איהר באפעהלט, אייער דורכלויכט, א בעזונדער קאבינעט פיל-

ליכט, וועט גלייך לידיג ווערן : פירסט גאליצין מיט א דאמע. אָיסטערס פרישע בעקומען.

— א ! אויסטערס.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט זיך פערטראכט.

— צו ניט ענדערן אפשר דעם פּלאן, לעווין ? — האָט ער געזאָגט אָב־שטעלענדיג דעם פינגער אויף דער שפּייז־קארטע. און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט ערנסטען נאכדיינקען.— זיינען דאָס גוטע אויסטערס ? גיב אכטונג.

— פלענסבורגער, אייער דורכלויכט ; אסטענדער האָבען מיר ניט.

— פלענסבורגער זיינען פלענסבורגער, נור צו זיינען זיי פריש ?

— ערשט נעכטען ערהאלטען.

— איז וויא זשע, צו ניט אָנהויבען מיט אויסטערס, און דערנאָך שוין ענדערען דעם גאנצען פּלאן ? הא ?

— מיר איז גאנץ גלייך. פאר מיר איז דאָס בעסטע באָרשטש מיט קאשע; אָבער דאָס איז דאָך דאָ ניטאָ.

— קאשע א־לא ריוס, ווילט איהר בעפעהלען ? — האָט געזאָגט דער טאטאר, וויא א ניאנקע צו א קינד, אָנבויגענדיג זיך צו לעווינען.

— ניין, אָהן שפּאס, וואָס דוא וועסט אויסקלייבען וועט זיין גוט. איך בין זיך אָנגעלאָפען אויפ'ן גליטש און עס ווילט זיך עסען. און ניט מיין — האָט ער צוגעלייגט באמערקענדיג אויף אָבלאנסקי'ס פּנים אַן אונצופריעדענעם אויס־דרוק — ניט מיין, אז איך וועל ניט אָבשעצען דיין אויסוואהל. איך וועל מיט פערגעניגען גוט אָבעסען.

— און נאָך וויא ! וואָס דוא זאָלסט דאָרט ניט זאָגען, דאָס איז איינע פון דיא פערגעניגענס פון לעבען — האָט געזאָגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — נו, טאָ גיב זשע אונז, ברודערל, אויסטערס צוויי, אָדער צוויי איז ווענינ — דריי צעהנדליג. און זופּ מיט געווירץ . . .

— פּרענטאניאָר, — האָט אונטערגעכאפּט דער טאטאר. אָבער סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט איהם א פּנים ניט געוואָלט אָנטהאָן דעם פערגעניגען אָנצורופען דיא מאכלים אויף פראנצויז.

— מיט געווירצען, יא, ווייסט דאָך ? און דערנאָך א טיורבאָ מיט געדיכטען סאוס, דערנאָך. . . ראָסטביף ; נור זעה, ס'זאָל זיין גוט. נו און קאָנסער־ווען אָדער וואָס.

דער טאטאר האָט זיך דערמאָנט אויף סטעפאן ארקאדיעוויטשעס מאניער ניט אָנצורופען דיא געריכטען אויף פראנצויזיש, האָט ניט ווידערהאָלט נאָך איהם, נור האָט זיך גענומען דעם פערגעניגען איבערצוזאָגען דיא גאנצע בעשטעלונג לויט דיא נעמען פון דער פראנצויזישער שפּייז־קארטע : זופּ פּרענטאניאָר, טיורבאָ סאָוס באָמארשע, פּולארד א לעסטראגאָן, מאסעדואַן דע פריואי. . .“ און האָט באלד, וויא אויף פרוזשינעס, א לייג געטהאָן דיא קארטע און א כאפּ געטהאָן אַן אנדער קארטע פון ווינען און צוגעטראָגען צו סטעפאן ארקאדיעוויטש.

# אננא קארענינא

— וואָסזשע וועלען מיר טרינקען?

— איך — וואָס דו ווילסט.. נור ניט פיעל.. שאמפּאניער — האָט געזאָגט לעווין.

— וויא? שאמפּאניער פאר'ן עסען? און צוריק, ווירקליך, גאנץ גערן. דו ליעבסט שאמפּאניער מיט'ן ווייסען זיעגעל?

— קאַשעי בלאַן — האָט אונטערגעכאַפּט דער טאטאר.

— נו, טאָ דערלאנג פון דיעזען שטעמפּעל מיט אויסטערס, און ווייטער וועלען מיר זעהען.

— איך האָרך. און טיש־וויין וועלכען וועט איהר באפעהלען?

— דערלאנג ניואי. ניין, ניטאָ קיין בעסערער אלס קלאסישער שאבלי.

— איך האָרך. און קעז וועט איהר באפעהלען  א י י ע ר ע ן?

— יא, יא, פּארמעזאן. אָדער דו ליעבסט אפשר אנדערען?

— ניין, מיר איז גאנץ גלייך — האָט געזאָגט לעווין, ניט קאָנענדיג צוריק־האַלטען זיין שמייכעל.

דער טאטאר מיט דיא צושפּרייטע פּאָלדען איז געלאָפען שנעל און אין פינף מינוטען ארום איז ער אריינגעפלויגען מיט א שיסעל געעפענטע אויסטערס אויף פּערלמוטערנע שאָלעכצען און מיט א פלאש וויין צווישען דיא פינגער.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט צוריבען דיא אָנגעקראָכמעלטע סאלפעטקע, האָט זיא פארשטעקט א הינטער דעם פראָנט פון זיין קאמזייל און האָט זיך א נעהם געטהאָן פאר דיא אויסטערס. — ניט שלעכט — האָט ער געזאָגט אראָבריי־סענדיג מיט דעם זילבערנעם גאָפּעלע פון דער פּערלמוטערנער שאָלעכץ דיא גליטשיגע אויסטערס און שלינגענדיג זיי איינעם נאָכ'ן אנדערען — ניט שלעכט — האָט ער וויעדערהאָלט, ווארפענדיג פייכטע און גלאנציגע אויגען דאָס אויף לעווינען און דאָס אויף דעם טאטאר.

לעווין האָט געגעסען אויך אויסטערס, הגם דער ברויט מיט קעז האָט איהם מעהר געשמעקט. ער האָט אָבער הנאה געהאַט קוקען אויף אָבלאנסקין. אפילו דער טאטאר, וועלכער האָט איצט אָבגעשרויפט דעם קאָריק און צוגאָסען דעם שפּיעלענדיגען וויין אין דיא דינע גלעזער, האָט אויך מיט א שמייכעל פון הנאה געקוקט אויף סטעפאן ארקאדיעוויטש און האָט דערווייל פערריכט זיין ווייסען האַלזטוך.

— און דו האָסט ניט בעזאָנדערנס ליעב קיין אויסטערס — האָט גע־זאָגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — אָדער דו ביסט עפּעס פערדאגה'ט, הא?

איהם האָט זיך געוואָלט לעווין זאָל זיין מונטער. אָבער לעווין איז ניט וואָס געווען ניט מונטער, נור עפּעס אין פערלעגענהייט. איהם איז געווען אונאנגע־נעהם און אונבעקוועם צו זיצען דאָ אין האָטעל, צווישען קאבינעטען, וואו מען האָט געהאַט מאָהלצייטען מיט דאמען, זיצען דאָ צווישען דיעזען קאָך און טומעל, ווען זיין נשמה איז פול מיט  א י ה ר. דיעזע אומגעבונג פון בראָנז, שפּיעגלען, גאז, טאטארען — אלעס דאָס האָט פאר איהם אויסגעוויעזען וויא א בעליידיגונג. ער האָט מורא געהאַט, אז דאָס פערמיאוסט דאָס, וואָס פיעלט איצט אָן זיין זעעלע.

# אננא קאַרענינא

— איך? יאָ, איך בין פערזאָרגט; אָבער אויסער דעם פיהל איך זיך פון דעם אין פערלעגענהייט — האָט ער געזאָגט — דוא קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלען, וויא פאר מיר, א דאָרפס־מאַן, קומט דאָס אַלעס אוים ווילד, אזוי וויא דיא נעגעל פון יענעם הערכן, וועלכען איך האָב ביי דיר געזעהען...

— יאָ, איך האָב געזעהען, אז דיא נעגעל פון דעם אָרעמען גרינעוויטש האָבען דיך זעהר פאראינטערעסירט — האָט לאַכענדיג געזאָגט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש.

— איך קאָן ניט — האָט געענטפערט לעווין — דוא בעמיה זיך און געה אין מיר אריין, ד. ה. שטעל זיך אויף דעם שטאַנדפונקט פון א דאָרפסמאַן. מיר, אין דאָרף, זוכען צו ברייננגען דיא הענד אין אזא לאַגע, אז עס זאָל זיין בעקוועם מיט זיי צו ארבייטען; דערפאַר שניידען מיר אָב דיא נעגעל, פערקאַשערען אמאָל דיא ארבעל. און דאָ נעהמען מענשען און פערלאָזען מיט א כיון נעגעל, אויף וויפיעל זיי קאָנען זיך האַלטען, און צעפען אָן אזעלכע טעלערלאַך פאַר קנעפּ, אלץ כדי ניט צו קאָנען טאָהן גאָרנישט מיט דיא הענד.

סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט פרעהלאַך געשמייכעלט.

— יאָ, נו דאָס איז א צייכען, אז ער דאַרף קיין גראָבע ארבייט ניט. ביי איהם ארבייט דער שכל...

— עס קאָן זיין. נור פון דעסטוועגען זעהט דאָס מיר אוים ווילד, פונקט אזוי ווילד וויא דאָס דאָזיגע: מיר, דאָרפישע מענשען, זעהען אָנצועסען זיך וואָס גיכער, כדי צו זיין אים שטאַנד צו טאָהן אונזער ארבייט. און אָט דאָ, איך מיט דיר בעמיהען זיך וואָס לייגגער ניט אָנצועסען זיך און דעריבער עסען מיר אויסטערס...

— נו, פאַרשטעהט זיך — האָט אונטערגעכאַפּט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש — דעריין איז דאָך דער צוועק פון בילדונג: פון אַלעס צו מאַכען א פאַרגעניגען.

— נו, אויב דאָס איז דער צוועק, וואָלט איך שוין בעסער וועלען זיין א ווילדער.

— דוא ביסט אזוי אויך ווילד. אלע אייערע לעווינעס זיינען ווילדע.

לעווין האָט זיך אָבגעזיפצט. ער האָט זיך דערמאָנט וועגען דעם ברודער ניקאָלאי און איהם איז געוואָרען פערדרוסליך און קריינקליך, און זיין פנים האָט זיך פערוואָלקענט; אָבער אבלאָנסקי האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען אזא'ן ענין, וועלכער האָט איהם באַלד אָבגעצויגען.

— נו, וויא, פאָהרסט דוא היינט אבענד צו אונזערע, צו דיא שטשערבאצקים הייסט עס? — האָט ער געזאָגט אָברוקענדיג דיא שאָרשיגע אויסטער־שאָלעכצען, צורוקענדיג דעם קעז און גלאַנצענדיג שטאַרק מיט דיא אויגען.

— יאָ, איך פאָהר, ניט אנדערש — האָט געענטפערט לעווין — הגם מיר האָט אויסגעזעהען, אז דיא אלטע פירסטין האָט ניט זעהר גערן מיך גערופען.

— וואָס רעדסט דוא! נאַרישקייטען! דאָס איז דאָך איהר מאַניער... נו, דערלאַנג־זשע, ברודערקע, דיא זופּ!... דאָס איז איהר מאַניער אזוי, גראַן דאָס — האָט געזאָגט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש — איך וועל אויך קומען, נור איך דאַרף נאָך

צו דער גרעפין באַנינא אריבערפאָהרען. אָבער וויא ווילד דוא ביסט דאָס? וויא זאָל מען זיך ערקלעהרען, וואָס דוא ביסט דאַמאָלט פּלוצלונג פערשוואונדען פון מאָסקווע? דיא שטשערבאצקים האָבען זיך ביי מיר שטענדיג נאָכגעפרעגט וועגען דיר, אָהן אויפהער, אַזוי וויא איך וואָלט מוזען וויסען. און איך ווייס נור איינס: דוא טהוסט אַלע מאָל עפּעס אזוינס, וואָס קיינער טהוט ניט.

— יא, האָט געזאָגט לעווין לאַנגזאַם און צוטראָגען — דוא ביסט גערעכט, איך בין ווילד. אָבער מיין ווילדקייט בעשטעהט ניט דעריין, וואָס איך בין אוועקגעפאָהרען, נור דעריין וואָס איך בין איצטער געקומען צו פאָהרען. איצט בין איך געקומען צופאָהרען....

— א, וואָס פאַר אַ גליקליכער דוא ביסט! — האָט אונטערגעכאַפּט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש, קוקענדיג לעווינען אין דיא אויגען.

— פאַר וואָס?

— איך דערקען פערד היציגע נאָך זייער פאַראָדע, בחורים'לעך פערליעבטע פון זייערע אויגען — האָט אַ דעקלאַמיר געטאָהן סטעפּאַן ארקאדיעוויטש — דיר שטעהט אַלעס פאַר אין פאָראויס.

— און ביי דיר איז שוין דען אַלעס אהינטער?

— ניין, אָבוואָהל ניט אהינטער, אָבער ביי דיר איז אַ צוקונפט, און ביי מיר בלויז אַ געגענוואַרט, און דיא געגענוואַרט... אזוי, אביסעל אריבערגעשאָטען.

— וואָס איז?

— אזוי, ניט גוט. נו, איך וויל וועגען זיך ניט ריידען, און דערצו קאָן מען דאָך ניט אַלעס ערקלעהרען — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש — איז נאָך וואָס ביסט דוא דאָך געקומען קיין מאָסקווע?... עי, נעהם צו! — האָט ער אַ געשריי געטאָהן צו דעם טאַטאַר.

— דוא טרעפסט? — האָט געענטפערט לעווין, ניט אראָבלאָזענדיג פון אבלאָנסקין זיינע אויגען, וועלכע האָבען טיעף געשיינט.

— איך טרעף, אָבער איך קאָן וועגען דעם ניט אָנהויבען ריידען. שוין דערפון אַליין קאָנסט דוא זעהען, צו טרעף איך ריכטיג אָדער ניט — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש, מיט אַ לייכטען שמייכעל קוקענדיג אויף לעווינען.

— נו, וואָס־זשע קאָנסט דוא מיר זאָגען — האָט געפרעגט לעווין מיט אַ ציטערענדער שטימע, פיהלענדיג אז אין זיין פּנים ציטערען אַלע מוסקולען — וויא קוקסט דוא דערויף?

סטעפּאַן ארקאדיעוויטש האָט לאַנגזאַם אויסגעטרונקען זיין גלאָז שאַבלי, ניט אַרונטערנעהמענדיג דיא אויגען פון לעווינען.

— איך?... — האָט ער געזאָגט — וואָלט קיין זאַך אזוי ניט ווינשען וויא דאָס דאָזיגע. דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס האָט געקאָנט זיין.

— מאַכסט דוא אָבער קיין טעות ניט? ווייסט דוא וועגען וואָס מיר רעדען? — האָט ארויסגערעדט לעווין איינטרינקענדיג זיך מיט דיא אויגען אין זיין מיטשמועסער — דוא מיינסט, אז דאָס איז מעגליך?

— איך מיין אז מעגליך, פאַר וואָס עפּעס אונמעגליך?

— ניין, דיינקסט דוא ווירקליך, אז דאָס איז מעגליך? ניין, דוא זאָג בעסער אַלעס, וואָס דוא דיינקסט! נו און וויא אז איך ערוואַרט אַן אָבזאָג!... און איך בין זאָגאַר זיכער....

# אננא קארענינא

— פארוואָס אָבער מיינסט דו אַזוי ? — האָט שמייכלענדיג פון זיין צו־מישטקייט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש.

— אַזוי דוכט זיך מיר מאַנכעס מאָהל. דאָס וועט דאָך זיין שרעקליך פאַר מיר און פאַר איהר.

— נו, יעדענפאַלס פאַר אַ מיידעל איז דעריין קיין שרעקליכעס ניטאָ. יע־דעס מיידעל שטאָלצירט וואָס עמיצער שדכנ'ט זיך.

— יא, יעדעס מיידעל, אָבער ניט זיא.

סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט אַ שמייכעל געטאָהן. ער האָט אַזוי גוט גע־וואוסט לעווינס געפיהל ; ער האָט געוואוסט, אַז פאַר איהם זיינען אַלע מיידלעך פון דער וועלט איינגעטהיילט אין צוויי מינים : איין מין — דאָס זיינען אַלע מיידלעך פון דער גאַנצער וועלט, אַ חוץ איהר, און דיא דאָזיגע אַלע מיידלעך האָ־בען אַלע מענשליכע שוואַכקייטען, און זיינען זעהר געוועהנליכע מיידלעך ; דער אַנדער מין — איז זיא אַליין, וועלכע האָט קיינע שוואַכקייטען ניט און שטעהט העכער פון אַלעס מענשליכעס.

— וואַרט, נעהם סאָוס — האָט ער געזאָגט, איינהאַלטענדיג לעווינס האַנד, מיט וועלכער יענער האָט אָבגעשטויסען פון זיך דעם סאָוס.

לעווין האָט געהאָרכזאַם ארויפגעלייגט סאָוס צו זיך אויפ'ן טעלער, האָט אָבער סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש'ן ניט געלאָזען עסען.

— ניין, דו וואַרט, וואַרט — האָט ער געזאָגט — דו פאַרשטעה, אַז פאַר מיר איז דאָס אַ פראַגע פון לעבען און טויט. איך האָב קיין מאָל מיט קיינעם וועגען דעם ניט גערעדט. און איך קאָן מיט קיינעם ניט ריידען אַזוי וועגען דעם וויא מיט דיר. אָט זיינען מיר דאָך איך מיט דיר, דוכט זיך גאָר פרעמדע. אַנדערע געשמאַקען, אַנדערע אַנזיכטען, אַלעס ; אָבער איך וויים, אַז דו האָסט מיך ליעב און אַז דו פאַרשטעהסט מיך, און דערפאַר האָב איך דיך אונגעהייער ליעב. אָבער אום גאָטעס ווילען, זיי פאָלשטענדיג אָפענהערציג.

— איך זאָג דיר וואָס איך דיינק — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש שמייכלענדיג — אָבער איך וועל דיר נאָך מעהר זאָגען : מיין פרוי, זיא איז אַ וואונ־ערליכעס פרויענצימער... — סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט אַ זיפץ געטאָהן, דערמאָנענדיג זיך וועגען זיינע בעציהונגען צו זיין פרוי און שווייגענדיג אַ ווײלע האָט ער דערנאָך פאָרטגעזעצט : — זיא בעזיצט דיא גאַבע פאָראויסציזעהען ; זיא זעהט מענשען דורך און דורך ; אָבער דאָס איז ווייניג ; זיא וויים וואָס עס וועט זיין, בעזאָנדערנס וואָס אַנבעלאַנגט הייראַטהען. זיא האָט, צ. ב.ש., פאָראויסגע־זאָגט, אַז שאַכאָווסקאיא וועט חתונה האָבען פאַר ברענטעלנען. קיינער האָט דאָס ניט געוואָלט גלויבען, אָבער אַזוי איז טאַקע ארויסגעקומען. און זיא איז אויף דיין זייט.

— דאָס הייסט וויא ?

— אָט אַזוי. ניט נור ליעבט זיא דיך, נור זיא זאָגט אויך, אַז קיטי וועט זיין דיין פרוי ניט אַנדערש.

ביי דיעזע ווערטער האָט אַ שמייכעל בעלויכטען לעווינס פּנים, אַ שמיי־כעל וואָס איז געווען נאָהענט צו טהרערען פון מילדקייט.

# אננא קארענינא

— זיא זאָגט דאָס! — האָט אַ געשריי געטאָהן לעווין — איך האָב אָבער אַלע מאָל געזאָגט, אַז זיא איז אַ פּראַכט, דיין פרוי. נו און גענוג, גענוג וועגען דעם צו ריידען — האָט ער געזאָגט, אויפשטעהענדיג פון פּלאַץ.

— גוט, אָבער זעץ זיך דאָך.

נור לעווין האָט ניט געקאָנט זיצען. ער איז זיך דורכגעגאנגען אַ צוויי מאָל מיט זיינע פעסטע טריט איבער'ן שטייגעל־צימער, האָט אַ פּינטעל געטאָהן מיט דיא אויגען, אַז דיא טרעהרען זאָלען זיך ניט זעהען, און דאַן האָט ער זיך ווידער געזעצט צום טיש.

— דוא פארשטעה — האָט ער געזאָגט — אַז דאָס איז ניט קיין ליעבע. איך בין געוועזען פערליעבט, אָבער דאָס איז גאָר ניט דאָסזעלבע. דאָס איז ניט מיין געפיהל, נור עפּעס אַן אויסערליכע קראַפט, וועלכע האָט מיך איבערוועלטיגט. איך בין דאָך דאַן אַוועקגעפאָהרען דערפּאַר ווייל איך האָב בעשלאָסען, אַז דאָס קאָן ניט זיין, פארשטעהסט, וויא דאָס גליק, וועלכעס איז אויף דער וועלט ניט פאַראַ־נען; אָבער איך האָב געקעמפּפט מיט זיך און זעה, אַז אָהן דעם איז אויס לעבען. און מען מוז ענטשיידען....

— פאַר וואָס־זשע ביסט דוא דאַן אַוועקגעפאָהרען?

— אַך, וואַרט! אַך, וויפיעל געדאַנקען! וויפיעל עס איז דאַ צו פרעגען! הער. דוא קאָנסט זיך גאָרניט פאָרשטעלען, וואָס דוא האָסט פון מיינטוועגען געטאָהן דערמיט וואָס דוא האָסט געזאָגט. איך בין אַזוי גליקליך, אַז איך בין זאָ־גאַר געוואָרען פּאַסקודנע; איך האָב אַלעס פארגעסען. איך האָב זיך היינט דער־וואוסט, אַז מיין ברודער ניקאָלאַי... ווייסט דוא, ער איז דאָך דאָ... און איך האָב וועגען איהם אויך פארגעסען. מיר דוכט זיך, אַז אויך ער איז גליקליך. דאָס איז עפּעס אַזאַ מין וואהנזינן. איין זאַך איז בלויז שרעקליך... אָט האָסט דוא חתונה געהאַט, דוא ווייסט דעם דאָזיגען געפיהל... שרעקליך איז דאָס, וואָס מיר — אַלטע, שוין מיט אַ פערגאַנגענהייט... ניט פון ליעבע נור פון זינד... קומען זיך צונויף נאָהענט פּלוצלונג מיט אַ וועזען אַ ריינעס, אַן אונשולדיגעס; דאָס איז עקעלהאַפט און דאַרום קאָן מען ניט פיהלען זיך ניט אונווירדיג.

— נו, ביי דיר זיינען קנאַפּע עבירות.

— אַך, אָבער דאָך — האָט געזאָגט לעווין — אָבער דאָך, לעזענדיג מיט אבשוי מיין לעבען, ציטער איך און פארשילט און בעקלאַג זיך ביטערליך... יאָ.

— וואָס־זשע קאָן מען מאַכען, אַזוי איז שוין דיא וועלט איינגעאָרדענט —האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש.

— איין טרויסט איז נור פאַראַן, אַזוי וויא אין דער תפלה, וועלכע איך האָב אַלע מאָהל ליעב געהאַט: „דוא זאָלסט מיר מוחל זיין, ניט לויט מיינע מעשים, נור לויט דיינע חסדים". אַזוי קאָן זיא בלויז אויך פערצייהען.

# אננא קארענינא

## 11.

לעווין האָט אויסגעטרונקען זיין באָקאַל, און זיי האָבען געשוויעגען.

— נאָך איינס דארף איך דיר זאָגען. קענסט דוא ווראָנסקין? — האָט א פרעג געטהאָן סטעפאַן ארקאדיעוויטש לעווינען.

— ניין, איך קאָן איהם ניט. צו וואָס פרעגסט דוא דאָס?

— דערלאַנג נאָך א פלאַש — האָט זיך סטעפאַן ארקאדיעוויטש געווענדעט צום טאַטאַר, וועלכער האָט געהאַלטען אין דערגיסען דיא באָקאַלען און האָט געהאַלטען אין איין ארומדרעהען זיך ארום זיי דוקא ווען מען האָט איהם ניט געדאַרפט.

— צו וואָס דוא דאַרפסט קענען ווראָנסקין, ווייל דאָס איז איינער פון דיינע קאָנקורענטען.

— וואָס איז דאָס פאַר א ווראָנסקי? — האָט געזאָגט לעווין און זיין פנים איז פון דעם קינדערש־פרעהליכען אויסדרוק, פון וועלכען אבלאָנסקי האָט הנאה געהאַט, איבערגעגאַנגען אין א בייזען, אונאַנגענעהמליכען.

— ווראָנסקי, דאָס איז איינער פון גראַף קירילא איוואַנאָוויטש ווראָנסקי'ס זיהן, און איינער פון דיא בעסטע מוסטערס פון דער פעטערסבורגער גאָלדענער יוגענד. איך בין מיט איהם בעקאַנט געוואָרען אין טווער, ווען איך האָב דאָרט געדיענט און ער פלעגט אהין אראָבקומען אין צייט פון רעקרוטען נעהמען. אונ־געהייער רייך, שעהן, גרויסע פערבינדונגען, א פליגעל־אדיוטאַנט און דערביי אויך זעהר ליעבליך און א גוטער יונג. אָבער מעהר אַלס איינפאַך א גוטער יונג. וויא איך האָב נעהענטער דערקענט שוין דאָ, איז ער געבילדעט און זעהר קלוג. דאָס איז א מענש, וואָס וועט שטייגען הויך.

לעווין האָט זיך געכמורעט און האָט געשוויגען.

— נון איז ער ערשיענען דאָ באַלד נאָך דיר. און, וויא איך פערשטעה, איז ער איבער דיא אויערן פערליעבט אין קיטי, און דוא פערשטעהסט דאָך אז דיא מוטער....

— ענטשולדיג מיר, אָבער איך פערשטעה גאָרנישט — האָט געזאָגט לעווין טרויעריג אָנגעבלאָזען. און תיכף האָט ער זיך דערמאָנט וועגען זיין ברודער ניקאָלאי און וועגען דעם, וויא שלעכט ער אליין איז, אז ער האָט געקאָנט פארגעסען וועגען איהם.

— דוא וואַרט, וואַרט — האָט געזאָגט סטעפאַן ארקאדיעוויטש שמייכ־לענדיג און ריהרענדיג זיין האַנד — איך האָב דיר געזאָגט דאָס וואָס איך ווייס, און איך ווידערהאָל, אז אין דעם דאָזיגען איידעלען ענין זיינען דיא שאַנסען אויף דיין זייט, אויף וויפיעל מען קאָן טרעפען.

לעווין האָט זיך אָבגעוואָרפען אויף צוריק אויפ'ן שטוהל, זיין פנים איז גע־ווען בלייך.

— אָבער איך וואָלט דיר אן עצה געגעבען צו בעשליסען דיא זאַך וואָס שנעלער — האָט געזאָגט ווייטער אבלאָנסקי, דערגיסענדיג לעווינס באָקאַל.

# אננא קארענינא

— ניין, א דאנק, איך קאָן מעהר ניט טרינקען — האָט געזאָגט לעווין אַברוקענדיג זיין באָקאַל — איך וועל ווערן בעזויפען... נו, וואָס מאכסט ד ו א?
— האָט ער געפרעגט, קענטיג אום איבערצובייטען דעם געשפּרעך.
— נאָך איין וואָרט: יעדענפאלס ראטה איך דיר ענטשיידען דיא פראגע וואָס שנעלער. היינט ריידען ראטה איך דיר ניט — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַר־קאדיעוויטש — פאָהר צו בעסער מאָרגען פריה און מאך א קלאסישען פאַרשלאַג, און זאָל דיך גאָט בענשען...
— דו האָסט זיך דאָך אלץ געקליעבען צו קומען צו מיר אויף געיעג. אָט קום צופאָהרען אין פריהלינג — האָט א זאָג געטאָהן לעווין.
ער האָט שוין איצט פון גאנצען הארצען חרטה געהאַט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען דעם געשפּרעך מיט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש. זיין ב ע ז ו נ ד ע ר געפיהל איז געווען בעזידעלט פון אזא ריידעריי וועגען דער קאָנקורענץ פון א וועלכען ניט איז פעטערסבורגער אָפּיצער און פון דיא עצות און סברות פון סטע־פּאַן ארקאדיעוויטש.
סטעפּאַן ארקאדיעוויטש האָט א שמייכעל געטאָהן. ער האָט פערשטאַנען וואָס עס טהוט זיך אויף דער נשמה ביי לעווינען.
— איך וועל קומען ווען עס איז — האָט ער געזאָגט — יא, ברודערל, פרויען, דאָס איז דער שרויף, אויף וועלכען אלעס דרעהט זיך. אָט זיינען מיינע אנגעלעגענהייטען אויך שלעכט, זעהר שלעכט. און אלץ איבער פרויען. דוא זאָג מיר אָפען — האָט ער פאָרטגעזעצט, ארויסנעהמענדיג א סיגאר און מיט דער אנדער האנד האַלטענדיג דעם באקאל — דוא גיב מיר אן עצה.
— אין וואָס?
— אָט אין וואָס. לאָמיר זיך פארשטעלען, דוא ביסט פערהייראטה, דוא ליעבסט דיין פרוי, אָבער דוא ביסט הינגעצויגען געוואָרען פון אן אנדרערר...
— ענטשולדיג, אָבער דאָס פארשטעה איך שוין גאָר ניט, עפּעס אזוי וויא... וויא איך פארשטעה ניט, אז איך זאָל איצט, א זאַט אָבגעגעסענער, געהן פערביי א בעקערריי און גנב'ענען א קוילעטש.
סטעפּאַן ארקאדיעוויטשעס אויגען האָבען געשיינט מעהר אלס געוועהנליך.
— נו וואָס איז? א קוילעטש פארשמעקט אמאָל אזוי אז מען קאָן זיך ניט צוריקהאַלטען.

הימליש איזט'ס, ווען איך בעצוואונגען
מיינע אירדישע בעגיער;
אָבער דאָך ווען'ס ניט געלונגען,
האטט' איך אויך רעכט היבש פּלעזיר!

זאָגענדיג דאָס האָט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש א שמייכעלע גיטאָהן. לעווין האָט אויך ניט געקאָנט ניט א שמייכעל טאָהן.
— יא, אָבער אָהן שפּאַס — האָט פאָרטגעזעצט אָבלאָנסקי — דוא פאַר־שטעה, אז ווען א פרויענצימער, א ליעבליכעס, צארטע, מילדע באַשעפעניס איז אן ארעמע און עלענדע און אָפּפערט מיט אלעס. און איצט, ווען עס איז שוין אָב־געטאָהן, פארשטעה דאָך מיך, זאָל מען זיא איצט אוועקווארפען? לאָמיר אָננעה־

מען : שיידען זיך כדי ניט חרוב צו מאַכען דעם פאמיליען־לעבען, אָבער זאָל מען אויף איהר גאָר ניט רחמנות האָבען, ניט בעזאָרגען, ניט גרינגער מאַכען ?

— נו, האָב אויף מיר קיין פאריבעל ניט. דוא ווייסט, פאר מיר טהיילען זיך אלע פרויען אויף צוויי סאָרטען... דאָס הייסט ניין... ריכטיגער : עס זיינען פאראן פרויען און פאראן... איך האָב קיין פּרעכטיגע געזונקענע באשעפעניסען ניט געזעהען און וועל ניט זעהען ; און אזעלכע וויא יענע געפארבטע פראנצויזקע דאָרט ביי׳ם בופעט, מיט דיא גרייזלעך, דאָס זיינען פאר מיר פאסקודסטוועס, און אלע געזונקענע זיינען אזעלכע.

— און דיא געפאלענע פון עוואנגעליום ?

— אך, הער אויף ! כריסטוס וואָלט קיין מאָהל ניט געזאָגט דיא דאָזיגע ווערטער, ווען ער וואָלט וויסען וויא מען וועט זיי מיסברויכען. פון גאַנצען עוואנגעליום, אלעס וואָס מען געדיינקט, זיינען בלויז דיא דאָזיגע ווערטער. איבעריגענס, איך רייד ניט דאָס, וואָס איך דיינק, נור דאָס וואָס איך פיהל. איך פיהל אן עקעל צו דיא געפאלענע פרויען. דוא האָסט מורא פאר שפּינען, און איך פאר דיא פאסקודנע ברואים. דוא האָסט דאך געוויס ניט אויסגעפאָרשט קיין שפינען און דוא ווייסט ניט זייערע זיטען, אזוי אויך איך.

— גוט איז דיר אזוי צו ריידען ; דאָס איז אלץ איינס וויא יענער הערר אין דיקקענס׳ס ערצעהלונג, וועלכער ווארפט אריבער מיט דער לינקער האנד איבער׳ן רעכטען אקסעל אלע שווערע פּראָבלעמען. אָבער לייקענען א פאקט איז דאך ניט קיין ענטפער. וואָס איז צו טאָהן, זאָג דוא מיר, וואָס איז צו טאָהן ? דיא פרוי עלטערט זיך, און דוא ביסט פול מיט לעבען. דוא האָסט נאָך קיין צייט ניט ארומצוקוקען זיך, וויא דוא פיהלסט שוין, אז דוא קאָנסט ניט ליעבען מיט ליעבע דיא פרוי, וויא דו זאָלסט זי ניט רעספּעקטירען. און דאָ אקוראט דרעהט זיך אונטער א ליעבע, און פערפאלען, פערפאלען ! — האָט מיט א טרויעריגע פערצווייפלונג ארויסגערעדט סטעפאן ארקאדיעוויטש.

לעווין האָט א לאַך געטאָהן.

— יא, און פערפאלען — האָט פאָרטגעזעצט אָבלאנסקי — אָבער וואָס איז צו טאָהן ?

— ניט גנב׳ענען קיין קוילעטשען !

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט זיך צולאכט.

— אָ, דוא מאָראליסט ! אָבער פארשטעה דאָך, ס׳זיינען פאראן צוויי פרויען : איינע פאָדערט נור איהרע רעכטע, און דיזע רעכטע זיינען, דיין ליעבע, וועלכע דוא קאָנסט איהר שוין ניט געבען ; און דיא אנדערע אָפּפערט פאר דיר אלעס און פאָדערט פון דיר גאָרנישט. וואָס זאָלסט דוא טאָהן ? וויא זאָל מען זיך באגעהן ? דאָ איז א שרעקליכע דראַמאַ.

— אויב דוא ווילסט הערען מיין וידוי וועגען דעם, וועל איך דיר זאָגען, אז איך גלויב ניט דאָ זאָל זיין א דראמא. און אָט פאר וואָס. לויט מיין מיינונג איז ליעבע... איך מייןביידע ליעבעס, וועלכע פּלאַטאָ בעשטימט אין זיין „פּיער“, אויב דוא געדיינקסט — ביידע ליעבעס דינען אלס א פּרוביר־שטיין פאר מענשען. מאַנכע מענשען פארשטעהען נור איין ליעבע, אנדערע — דיא אנדער ליעבע. און

יענע, וועלכע פארשטעהען בלויז דיא ניט־פלאטאנישע ליעבע, ריידען אומזיסט וועגען א דראמא. ביי אזא ליעבע קאן קיין דראמא ניט זיין. איך דאנק אייך העפליכסט פאר דעם פארגעניגען און זייט מיר געזונד — אט איז דיא גאנצע דראמא. און פאר פלאטאנישער ליעבע קאן ניט זיין קיין דראמא, ווארום אין אזא ליעבע איז אלעס קלאהר און ריין, ווארום...

אין דער מינוט האט לעווין זיך דערמאנט וועגען זיינע זינד און וועגען דעם אינערליכען קאמפף, וועלכען ער האט דורכגעלעבט, און ער האט אונערווארטעט צוגעלייגט:

— און איבעריגענס, ס׳קאן זיין, אז דוא ביסט גערעכט. עס קאן זעהר זיין, אז... אבער איך וויים ניט, ווייס לחלוטין ניט.

— אט זעהסט דוא — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — דוא ביסט זעהר א גאנצער מענש. דאס איז דיין מעלה און דיין חסרון. דוא ביסט אליין א גענצליכע נאטור און דוא ווילסט, אז דאס גאנצע לעבען זאל זיין צוזאמענגעשטעלט פון גאנצע ערשיינונגען, אבער אזוי איז עס ניט. אט פערהאסט דוא געזעלשאפטליכע אמטליכע טהעטיגקייט, ווארום דוא ווילסט אז דאס טאהן זאל אימער הארמאנירען מיט דעם צוועק, און אזוי פאסירט עס ניט. דוא ווילסט אויך, אז דיא טהעטיגקייט פון איין מענשען זאל אלע מאהל האבען א צוועק, אז ליעבע און פאמיליען־לעבען זאל תמיד זיין איין זאך — אבער אזוי איז עס ניט. דיא גאנצע פערשיעדענארטיגקייט, דיא גאנצע פרעכטיגקייט, דיא גאנצע שעהנקייט פון לעבען באשטעהט פון ליכט און שאטען.

לעווין האט א זיפץ געטאהן און האט גארנישט גענטפערט. ער האט געטראכט וועגען דאס זייניגע און האט ניט געהערט אבלאנסקין.

און פלוצלונג האבען זייביידע דערפיהלט, אז הגם זיי זיינען גוטע־פריינד, הגם זיי האבען געמיטאגט צוזאמען און געטרונקען וויין, וואס דאס האט געדארפט זיי נאך מעהר דערנעהנטערן, אבער אין אמת׳ן טראכט גאר יעדערער פון זיי בלויז וועגען דאס זייניגע, און איינעם פאר דעם אנדערן קימערט ניט. אבלאנסקי האט שוין דאס ניט איין מאל געפיהלט, און דאס טרעפט גראד נאך מיטאגעסען, א שטארקע צווייפאכקייט אנשטאט א דערנעהנטערונג. און ער האט געוואוסט וואס מען דארף טאהן אין אזא פאל.

— א רעכענונג! — האט ער א געשריי געטאהן צום טאטאר און ער איז ארויסגעגאנגען אין צווייטען זאל, וואו ער האט תיכף באגעגענט א בעקאנטען אדיוטאנט און האט מיט איהם אנגעהויבען א געשפרעך וועגען א געוויסער אקטריסע און איהר קעפס־מאן. און אבלאנסקי האט באלד טאקע דערפיהלט אן ערלייכטערונג אין זיין געשפרעך מיט׳ן אדיוטאנט, א מין אברוה פון זיין געשפרעך מיט לעווינען, וועלכער האט אין איהם אימער ארויסגערופען פיעל שכל׳דיגע טהעטיגקייט און גייסטיגע אנשטריינגונג.

ווען דער טאטאר איז ערשיענען מיט א חשבון פון זעקס און צוואנציג דאלער מיט קאפיקעס און דערצו נאך דעם באדינער אויף שנאפס, האט לעווין, וועלכער וואלט אין אן אנדער צייט, אלס א דארפסמאן, א דערשראקענער געווארען פון אזא רעכענונג, איצט אבער קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשיינקט דע-

רויף, האָט אָבגעצאָהלט און איז אוועק אהיים, אום איבערצוטאָהן זיך און פאָהרען צו דיא שטשערבאצקים, וואו עס וועט זיך ענטשיידען זיין שיקזאל.

## 12

פירסטין קיטי שטשערבאצקאיא איז אלט געווען ערשט אכצעהן יאָהר. דאָס איז געווען דער ערשטער ווינטער, ווען זיא האָט אָנגעהויבען אויספאָהרען אין געזעלשאפט. איהר ערפאָלג איז געווען גרעסער אלס דער ערפאָלג פון איהרע צוויי עלטערע שוועסטער. נאָך ווייניג, וואָס יונגעלייטלעך, וועלכע טאנצען אויף דיא מאָסקווער בעלער זיינען כמעט אלע געווען פערליעבט אין איהר, האָבען זיך שוין אין ערשטען ווינטער געמאכט צוויי ערנסטע שידוכים פאר איהר : לעווין און באלד נאָך לעווינס אָבפאָהר גראף ווראנסקי.

ווען לעווין איז ערשיענען נאָך אָנפאנג ווינטער און האָט אָפט בעזוכט דאָס הויז און געוויזען אָפענע ליעבע צו קיטין, האָט דאָס געפיהרט דערצו, אז קיטי׳ס עלטערן זאָלען אָנהויבען גאנץ ערנסט שמועסען וועגען איהר צוקונפט און עס זאָל פאָרקומען וועגען דעם א האמפעריי צווישען דעם פירסט און דער פירס־טין. דער אלטער פירסט איז געווען אויף לעווינס צד. ער האָט געזאָגט, אז ער ווינשט קיין בעסערעס ניט פאר קיטין. דיא אלטע פירסטין אָבער האָט געזוכט, וויא דיא געוועהנליכע אייגענשאפט פון ווייבער אויסצומיידען א פראגע, און האָט גע׳טענה׳עט, אז קיטי איז נאָך צו יונג, אז לעווין ווייזט מיט קיין זאך ניט, אז זיינע אבזיכטען זיינען ערענסט, אז קיטי פיהלט צו איהם קיין צובונד ניט און נאָך אנדערע טעמים. אָבער דיא הויפט זאך האָט זיא ניט געזאָגט, און דאָס איז, אז זיא ערווארט א בעסערע פארטיי פאר איהר טאָכטער, און אז לעווין איז איהר ניט סימפאטיש און זיא פארשטעהט איהם ניט. ווען עס האָט זיך געמאכט, אז לעווין איז פלוצלונג אוועקגעפאָהרען, איז דיא פירסטין געווען דערפון גערן און זיא האָט מיט געהויבענקייט געזאָגט איהר מאן : „זעהסט דוא, אז איך בין געווען גערעכט.“ און ווען ווראנסקי איז ערשיענען, איז זיא נאָך מעהר גערן געווען, זייענדיג פעסטער אין איהר מיינונג, אז קיטי דארף ניט טאָהן אבי א גוטען שידוך, נור זיא דארף טאָהן א גלענצענדען שידוך.

ביי דער מוטער איז אויסגעקומען, אז עס איז גאָר קיין פערגלייך ניט צווישען ווראנסקין און לעווינען. דער מוטער איז אין לעווינען ניט געפעלען געווען זיינע משונה׳דיגע און שארפע מיינונגען, און זיין אונבעקוועמע האלטונג אין גע־זעלשאפט, וועלכע קומט, וויא זיא האָט געמיינט, פון זיין שטאָלצקייט, און אויך פון זיין ווילדען לעבען עפעס אין דאָרף און זיין בעשעפטיגט שטענדיג מיט בהמות און מיט מוזשיקעס. איהר איז אויך זעהר ניט געפעלען געווען דאָס, וואָס ער. א פערליעבטער אין איהר טאָכטער, איז געווען א בעזוכער אין הויז אָנדרהאלבען מאָנאטען, און האָט אלץ עפעס געווארט, האָט אויסגעשפירט, וויא ער וואָלט מורא

# אננא קארעני נא

האָבען, צו וועט פאר זיי ניט זיין א צו גרויסע עהרע, אויב ער וועט זיך פאַרשלאָגען אלס חתן, און ער האָט ניט פערשטאַנען, אז ווען מען בעזוכט א הויז, וואו עס איז פאראן א טאָכטער א כלה, דארף מען מאכען אן ערקלעהרונג. און פּלוצלונג גאָר אָהן א שום ערקלעהרונג נעהמט ער און פאַהרט גאָר אוועק. „גוט נאָך, וואָס ער איז אזוי ניט אָנציהענד, אז קיטי האָט זיך אין איהם ניט פערליעבט,“ האָט געטראכט דיא מוטער.

ווראָנסקי האָט בעפריעדיגט אַלע פערלאַנגען פון דער מוטער: זעהר רייך, קלוג, א יחסן, אויפ'ן וועג צו א גלענצענדער פאַלאַץ-מיליטערישער קאריערע און א צויבערליכער מענש. קיין בעסערעס האָט מען גאָר ניט געקאָנט פערלאנגען.

ווראָנסקי האָט זיך אָפען געשדכנט צו קיטי אויף דיא בעלער, האָט געטאנצט אימער מיט איהר, האָט בעזוכט דאָס הויז, דאָס הייסט, אז ס'איז קיין צווייפעל ניט געווען אין דער ערענסטקייט פון זיינע אבזיכטען. אָבער, ניט קוקענדיג דערויף איז דיא מוטער דעם גאנצען ווינטער געווען שרעקליך אונרוהיג און צוטראָגען.

דיא אַלטע פירסטין אליין האָט חתונה געהאַט מיט דרייסיג יאָהר צוריק, וויא עס האָט זיא פערשדכנט איהרע א מוהמע. דער חתן, וועגען וועמען מען האָט שוין פריהער אַלעס געוואוסט, איז געקומען צופּאַהרען, האָט געזעהען דיא כלה, און מען האָט איהם געזעהען. דיא מוהמע-שדכנטע האָט געוואוסט און האָט איבערגעגעבען ביידען דעם איינדרוק וואָס יעדערער פון זיי האָט אויף דעם אנדערן געמאכט. דער איינדרוק איז געווען א גוטער. און דערנאָך איז אין דעם באשטעלטען טאָג געמאכט געוואָרען דער אָפּיציעלער פאַרשלאַג פאר דיא עלטערן און דער ערווארטעטער פאַרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן.

אַלעס איז דורכגעגאנגען זעהר לייכט און איינפאך. יעדענפאלס האָט זיך אזוי געדוכט דער פירסטין. נור וויא עס איז געקומען צו איהרע אייגענע טעכטער האָט זיא דערוויסט זיך, אז עס איז גאָר ניט אזוי לייכט און אזוי איינפאך, אויסצוגעבען דיא קינדער. וויפיעל שרעק איז אויסגעקומען איבערצולעבען, וויפיעל געדאנקען איבערצוטראכטען, וויפיעל געלד דאָס האָט אבגעקאָסט, וויפיעל האמפּעריי מיט דעם מאן עס איז איהר אויסגעקומען צו האָבען, ווען מען האָט געדארפט אויסגעבען איהרע צוויי עלטערע טעכטער, דאריא און נאטאליא!

איצט, ביי'ם ארויספיהרען דיא יונגסטע אין געזעלשאפט, איז אויסגעקומען איבערצולעבען דיזעלביגע שרעקען, דעמזעלבען צווייפעל, און נאָך מעהר האמפּעריי מיט'ן מאן איידער פאר דיא עלטערע. דער אַלטער פירסט, אזוי וויא אַלע טאַטעס, איז געווען בעזונדער פיהלבאר וועגען דער עהרע און ריינקייט פון זיינע טעכטער; ער איז געווען אונפערנינפטיג אייפערזיכטיג צו זיינע טעכטער, און בעזונדער נאָך צו קיטין, וועלכע איז געווען זיין ליעבלינג, און אויף שריט און טריט געמאכט דער פירסטין סצענעס פאר וואָס זיא קאָמפּראָמעטירט דיא טאָכטער.

דיא פירסטין איז שוין געווען געוועהנט דערצו נאָך פון דער צייט פון דיא עלטערע טעכטער, נור איצט האָט זיא געפיהלט, אז דעם פאָטער'ס אונרוהיגקייט האָט מעהר גרונד איידער דעמאָלט. זיא האָט געזעהען, אז אין דער לעצטער צייט

# אננא קארענינא

האָט זיך פיעלעס געענדערט אין דיא בענעהמונגען פון דער געזעלשאפט, אז דיא פפליכטען פון א מוטער זיינען איצט געוואָרען שווערער. זיא האָט געזעהען, אז קיטים חברתות פון איינע יאָהרען מיט איהר האָבען זיך אָרגאַניזירט עפּעס אין פעראיינען, זיינען אוועק עפּעס גאָר אויף מינים קורסען, האָבען זיך פריי בענומען מיט מאַנסלייט, זיינען גאָר אליין געפאָהרען איבער דיא גאַסען און, הויפּטזעכליך, זיינען געוועזען אלע זיכער, אז אויסוועהלען פאר זיך א מאַן איז זייער אייגענע אנגעלעגענהייט און ניט דיא אנגעלעגענהייט פון זייערע עלטערן.

„איצט טהוט מען שוין אזוי ניט קיין שידוכים, וויא אמאָל“ האָבען גע־טראַכט און גערעדט דיא דאָזיגע יונגע מיידלעך, און אפילו דיא אַלטע מענשען האָבען אזוי אנגעהויבען צו ריידען. אָבער וויא זשע דען מאַכט מען היינטיגע ציי־טען א טאָכטער חתונה, דאָס האָט דיא פירסטין פון קיינעם ניט געקענט ערקונ־דיגען. דער פראַנצויזישער מנהג, אז דיא עלטערן דארפען ענטשיידען דעם שיקזאַל פון זייערע קינדער, דאָס איז ניט געוועזען שוין אָנגענומען און איז פעראורטהיילט געוואָרען. דער ענגלישער מנהג — פאָלשטענדיגע פרייהייט פאר א מיידעל — איז אויך ניט געוועזען אנגענומען און איז געוועזען אונמעגליך אין רוסישער געזעל־שאפט. דער רוסישער מנהג פון א שידוך ריידען האָט זיך גערעכענט פאר עפּעס מיאוסעס, אונפּאַסיגעס, מען האָט דערפון אָבגעלאַכט, אלע, אפילו דיא פירסטין אליין. נור וויא זשע דען דארף מען א טאָכטער חתונה מאַכען און וויא דארף זיא חתונה האָבען, דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט.

אלע, מיט וועמען נור דער פירסטין איז אויסגעקומען צו שמועסען וועגען דעם, האָבען איהר געזאָגט איינס: „ערלויבט נור, אין אונזער צייט, דארף מען שוין אוועקוואַרפען דיא דאָזיגע אַלטע מנהגים. דיא יונגע דארפען דאָך דאָס חתונה האָבען און ניט דיא עלטערן, הייסט דאָס, אז מען דארף איבערלאָזען פאר דיא יונגע לייט אליין איינצואָרדנען זיך, אזוי וויא זיי פערשטעהען.“ עס איז אָבער גוט געוועזען אזוי צו ריידען פאר דיא, וועלכע האָבען אליין ניט קיין טעכטער, און דיא פירסטין האָט פערשטאַנען, אז ווערנדיג נאָהענט בעקאַנט קאַן זיך דיא טאָכטער פערליעבען, אָין פערליעבען אין אזא, וועלכער וועט גאָר ניט ויעלען חתונה האָבען מיט איהר, אָדער אין אזא, וואָס טויג ניט צו זיין א מאַן.

און וויפיעל מען האָט ניט ערקלעהרט דער פירסטין, אז אין אונזער צייט דארפען יונגע מענשען אליין פערזאָרגען זייער שיקזאַל, האָט זיא דאָס ניט געקאָנט גלויבען, אזוי וויא זיא וואָלט ניט געקאָנט גלויבען, אז אין וועלכער ניט איז צייט וועלען פאר פינף־יעהריגע קינדער זיין דיא בעסטע שפּיעלצייג אָנגעלאָדענע רע־וואָלווערן. און דערפאר האָט זיך דיא פירסטין זעהר בעאונרוהיגט פאר קיטי מעהר איידער פאר דיא עלטערע טעכטער.

איצט האָט זיא מורא געהאַט, אז ווראנסקי זאָל זיך ניט בענוגענען בלויז מיט פערברייננגען זיך מיט איהר טאָכטער. זיא האָט געזעהען, אז דיא טאָכטער איז שוין פערליעבט אין איהם, אָבער זיא האָט זיך געטרויסט דערמיט, וואָס ער איז אַן עהרליכער מענש און וועט אזוי ניט האַנדלען. אין דערזעלבער צייט אָבער האָט זיא געוואוסט, אז מיט דער איצטיגער פרייהייט אין בענעהמונגען קאָן מען

# אננא קארעינינא

ליכט פארדרעהען א מיידעל דעם קאפ און וויא מאנסלייט קוקען איבערהויפט זעהר ליכטהערציג אויף דיזער שולד.

לעצטע וואך האט קיטי דערצעהלט איהר מוטער א געשפרעך וואס זיא האט געהאט מיט ווראנסקין אין דער צייט פון טאנצען מאזורקע. דיזער געשפרעך האט אביסעל בערוהיגט דיא פירסטין; אבער אין גאנצען רוהיג האט זיא ניט געקענט בלייבען. ווראנסקי האט געזאגט קיטין, אז זיי, ביידע ברידער, זיינען אזוי געוועהנט געווארען צו פאלגען זייער מוטער, אז זיי ענטשליסען זיך קיין מאהל ניט צו טאהן וואס וויכטיגעס, וואו זיי זאלען זיך ניט בעראטהען מיט איהר. „און איצט ווארט איך, וויא א בעזונדער גליק, מיין מוטערס אנקומען פון פעטערסבורג,“ האט ער געזאגט.

קיטי האט דאס דערצעהלט ניט צוגעבענדיג קיין בעזונדער בעדייטונג צו דיא דאזיגע ווערטער. אבער דיא מוטער האט עס אנדערש פערשטאנען. זיא האט געוואוסט, אז מען ערווארט דיא אלטע גרעפין פון טאג אויף טאג; זיא האט גע-וואוסט, אז דיא אלטע וועט זעהר גערן זיין פון דעם זוהנס אויסוואהל, און איהר איז פארגעקומען זאנדערבאר, וואס ער, מורא האבענדיג צו בעליידיגען דערמיט דיא מוטער, מאכט ניט קיין ערקלעהרונג. זיא האט אבער אזוי געוואלט אז דער שידוך זאל זיך אויסלאזען און זיין שוין בערוהיגט, אז זיא האט געגלויבט אין ווראנסקיס ווערטער, וואס קיטי האט איהר דערצעהלט. וויא ביטער עס איז ניט געוועזען דער פירסטין צו זעהען דיא אונגליקליכע מערכה פון איהר עלטערע טאכטער, דאללי, וועלכע קלייבט זיך צו פערלאזען דעם מאן, איהר אונרוהיגקייט אבער וועגען דער ענטשיידונג פון שיקזאל פון איהר יונגסטער טאכטער האט פערשלונגען אלע איה-רע געפיהלען.

און היינטיגען טאג מיט לעווינס ערשיינונג איז צוגעקומען נאך א נייע זארג; זיא האט מורא געהאט, אז דיא טאכטער, וועלכע האט געהאט אמאל, וויא איהר האט זיך געדוכט, א געפיהל צו לעווינען, זאל פון צופיעל עהרליכקייט וועגען ניט אבזאגען ווראנסקין, און אין אלגעמיין זאל לעווינס אנקומען ניט מאכען עפעס א פלאנטער, א שטערונג אין א זאך, וואס האט שוין געהאלטען ביי׳ם ענדיגען זיך.

— וואס איז ער, לאנג שוין וויא ער איז געקומען צו פאהרען? — האט דיא פירסטין א פרעג געטאהן וועגען לעווינען.

— היינט ערשט, מאמא.

— איך וויל נור איינס זאגען... — האט אנגעהויבען דיא פירסטין, און פון איהר ערנסטען, באלעבטען פנים האט קיטי געטראפען וועגען וואס דיא רייד וועט זיין.

— מאמא — האט זיא געזאגט, ווערענדיג אויפגעפלאמט, און האט זיך א קעהר געטאהן צו דער מוטער — איך בעט דיך, איך בעט דיך, רייד מיט מיר ניט וועגען דעם. איך וויים, איך וויים אלעס.

זיא האט פערלאנגט דאסזעלביגע וואס דיא מוטער האט פערלאנגט, נור דיא מאטיוועו פון דער מוטערס פערלאנגען האבען זיא בעליידיגט.

— איך האב נור געוואלט זאגען, אז געבענדיג האפענונג איינעם...

— מאַמאַ, ליעבינקע, אום גאָטעס ווילען, רעדט ניט. עס איז אזוי שרעק־ליך צו רעדען וועגען דעם.

— איך וועל ניט — האָט דיא מוטער געזאָגט, דערזעהענדיג טהרערען אין דער טאָכטערס אויגען ; — נור איין זאַך, מיין הארץ ; דוא האָסט פער־שפּראָכען, אז ביי דיר וועלען פאר מיר קיין געהיימניסען ניט זיין. וועלען זיי ניט זיין ?

— קיין מאָהל ניט, מאַמאַ, קיין מאָהל ניט — האָט געענטפערט קיטי רויט ווערענדיג און האָט אַ קוק געטאָהן דער מוטער גלייך אין פנים — אָבער איך האָב דיר איצט ניט וואָס צו זאָגען. איך. . . איך. . . ווען איך זאָל אפילו ווילען, וויים איך ניט, איך וויים ניט וואָס צו זאָגען און וויא... איך וויים ניט...

„ניין, ניט קיין אמת קאָן זיא ניט זאָגען מיט דיא דאָזיגע אויגען,“ האָט אַ טראַכט געטאָהן דיא מוטער, שמייכלענדיג פון איהר צוטראָגענהייט און גליק. דיא פירסטין האָט געשמייכעלט דערפון, וואָס אזוי מורא׳דיג און בעדייטענד פאר איהר, נעביכקע, איז דאָס, וואָס עס קומט יעצט פאָר אין איהר זעעלע.

## 13

קיטי האָט געפיהלט נאָך מיטאָג און ביז אָנפאנג אבענד אן עהנליכען געפיהל וויא עס פיהלט א יונגינקער מאן פאר א שלאכט. איהר הארץ האָט שטארק געקלאפּט און דיא גדאנקען האָבען זיך אויף קיין זאַך ניט געקאָנט אָבשטעלען.

זיא האָט געפיהלט, אז היינטיגער אבענד, ווען זיי וועלען זיךביידע צום ערשטען מאָל טרעפען, דארף זיין דער ענטשיידענדער אבענד פון איהר שיקזאל. און זיא האָט אָהן אויפהער פאָרגעשטעלט זיי זיך, דאָס יעדען בעזונדער, און דאָסביידען צוזאַמען. ווען זיא האָט געטראַכט וועגען דאָס פערגאַנגענע, האָט זיא מיט פערגעניגען, מיט צערטליכקייט אָבגעשטעלט זיך אויף דיא עראינערונגען פון איהרע בעציהונגען צו לעווינען. דיא עראינערונגען פון איהר קינדהייט און דיא עראינערונגען פון לעווינס פריינדשאַפט מיט איהר פערשטאָרבענעם ברודער האָבען צוגעגעבען עפּעס אַ בעזונדערע פּאָעטישע פּראַכט אין איהרע בעציהונגען צו איהם. זיין ליעבע צו איהר, אין וועלכער זיא איז געווען זיכער, איז געוועזן פאָר איהר שמייכעלהאַפט און האָט איהר געגעבען פרייד. און איהר איז געוועזן גרינג צו עראינערן זיך וועגען לעווינען.

אין דיא עראינערונגען אָבער וועגען ווראנסקי׳ן האָט זיך צוגעמישט עפּעס אונבעקוועמעס, אָבוואָהל ער איז געוועזן אין העכסטען גראד אַ וועלטליכער און רוהיגער מענש. עפּעס אזוי וויא אַ מין פאַלשקייט וואָלט געוועזן, ניט אין איהם — ער איז געוועזן זעהר איינפאַך און ליעבליך — נור אין איהר אליין, אין דער צייט וואָס מיט לעווינען האָט זיא זיך געפיהלט איינפאַך און קלאָהר. דערפאַר אָבער וויא זיא פלעגט נור טראַכטען וועגען איהר צוקונפט מיט ווראנסקין האָט

# אננא קארעגינא

פאַר איהר פאַרגעשוועבט אין פאָראויס וויא זיא איז גלענצענד-גליקליך. מיט לעווינען אָבער האָט זיך איהר דיא צוקונפט פאַרגעשטעלט טומאנע, דונקעל.

ארויפגעהענדיג ארויף אָנצוטאָהן זיך פירן אבענד און איינקוקענדיג זיך אין שפיעגעל, האָט זיא צו איהר פרייד בעמערקט, אַז זיא געפינט זיך אין איי־נעם פון דיא בעסטע פון איהרע טעג און אין פולער בעהערשונג פון אַלע איהרע קרעפטען, און דאָס איז איהר אַזוי נויטיג געווען פאַר דאָס וואָס איהר שטעהט־פאַר אין דעם דאָזיגען אבענד; זיא האָט געפיהלט אין זיך אויסערליכע שטילקייט און פרייע גראַציע אין איהרע בעוועגונגען.

אום האלב אכט, נור וואָס זיא איז אריין אין זאַל, וויא דער לאַקיי האָט געמעלדעט: „קאָנסטאַנטין דמיטריטש לעווין". דיא אַלטע פירסטין איז נאָך געווען אין איהר צימער, און דער פירסט איז ניט ארויסגעקומען. „אַזוי איז דאָס" — האָט א טראכט געטאָהן קיטי, און דאָס גאַנצע בלוט האָט איהר א שטראָם גע־טאָהן צום הארצען. זיא האָט זיך דערשראָקען פאַר איהר בלייכקייט, ווען זיא האָט א קוק געטאָהן ווידער אין שפיעגעל.

איצט האָט זיא שוין אויף זיכער געוואוסט, אַז ער איז צוליעב דעם גע־קומען פריהער, כדי ער זאָל זיא טרעפען אַליין און ערקלעהרען זיך, פאַרשלאָגען זיין האנד. און ערשט איצט האָט זיך איהר צום ערשטען מאָל דיא זאַך פאַר־געשטעלט גאָר פון אַן אנדער, פון א נייער זייט. זיא האָט ערשט איצט פאַר־שטאַנען, אַז דיא פראַגע איז ניט נוגע איהר אַליין בלויז — מיט וועמען זיא וועט זיין גליקליך און וועמען זיא ליעבט — נור אַז אין דער מינוט דאַרף זיא בעליי־דיגען א מענשען, וועמען זיא ליעבט. און בעליידיגען אכזריש... פאַר וואָס? דער־פאַר וואָס ער, דער ליעבליכער. ליעבט זיא, איז פערליעבט אין איהר. אָבער וואָס איז צו מאכען, אַזוי דאַרף מען, אַזוי מוז מען.

„מיין גאָט, ניט־שוין־זשע דאַרף איך עס אַליין איהם זאָגען? — האָט זיא א טראכט געטאָהן — ניט־שוין־זשע וועל איך איהם קאָנען זאָגען, אַז איך האָב איהם ניט ליעב? דאָס וועט דאָך זיין ניט אמת. וואָס־זשע וועל איך איהם זאָ־גען? וועל איך איהם זאָגען, אַז איך ליעב אַן אַנדערען? ניין, דאָס איז אונ־מעגליך. איך וועל אַוועק, וועל אַוועק".

זיא איז שוין צוגעגאַנגען צום טהיר, ווען זיא האָט דער הערט זיינע טריט. „ניין, דאָס איז אונעהרליך. וואָס האָב איך וואָס מורא צו האָבען? איך האָב קיין שלעכטעס ניט געטאָהן. וואָס עס וועט זיין, דאָס וועט זיין! איך וועל זאָגען דעם אמת. און מיט איהם קאָן מיר ניט זיין אונאַנגענעהם. אָט איז ער", האָט זיא זיך געזאָגט, דערזעהענדיג זיין קרעפטיגע און שעהמעוודיגע פיגור מיט זיינע בליצענדע אויגען אויסגעשטעלט אויף איהר. זיא האָט א קוק געטאָהן איהם גלייך אין פּנים אריין, אַזוי וויא זיא וואָלט איהם בעטען איינזעהעניש מיט איהר, און זיא האָט איהם דערלאַנגט דיא האנד.

-- איך בין ניט אין דער צייט, דוכט זיך, צו פריה — האָט ער געזאָגט בעקוקענדיג דעם פוסטען זאַאל. ווען ער האָט דערזעהען, אַז זיינע ערוואַרטונגען האָבען זיך פערווירקליכט, אַז קיין זאַך שטערט איהם ניט ארויסצוזאָגען זיך. איז זיין פּנים געוואָרען טרויעריג.

# אננא קארעני נא

— אָ, ניין, — האָט געזאָגט קיטי און האָט זיך געזעצט ביים טיש.

— איך האָב אָבער אַזוי געוואָלט, טרעפען אייך איינע אליין — האָט ער אָנגעהויבען, ניט זעצענדיג זיך און ניט קוקענדיג אויף איהר, אום ניט צו פערלירען קיין קוראזש.

— מאַמאַ וועט באַלד אַרויסקומען. זיא איז נעכטען זעהר מיעד געוואָרען. נעכטען . . .

זיא האָט גערעדט, אליין ניט וויסענדיג, וואָס איהרע ליפען ריידען, איז ניט אראָבנעהמענדיג פון איהם איהר בעטענדען און צערטלענדען בליק.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר; זיא איז רויט געוואָרען און איז ענטשוויגען געוואָרען.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך ווייס ניט אויף וויא לאַנג איך ביז געקומען צו פאָהרען . . . אַז דאָס העננגט אָב פון אייך.

זיא האָט אַלץ נידריגער און נידריגער אָנגעבויגט דעם קאָפּ, אליין ניט וויסענדיג וואָס זיא וועט ענטפערן אויף דאָס אָנקומענדע.

— אַז דאָס העננגט אָב פון אייך — האָט ער איבערגעחזרט — איך האָב געוואָלט זאָגען... איך בין צוליעב דעם געקומען... אַז... אַז... זיין מיין פרוי! — האָט ער אַרויסגערעדט, אליין ניט וויסענדיג וואָס ער רעדט; נור ער האָט דערפיהלט אַז דאָס שרעקליכסטע איז שוין אַרויסגערעדט געוואָרען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר.

זיא האָט שווער געאָטהעמט, ניט קוקענדיג אויף איהם. זיא האָט געפיהלט אַן ענטציקונג. איהר נשמה איז געווען איבערפילט מיט גליק. זיא האָט בשום אופן ניט ערוואַרט, אַז זיין אַרויסגעזאָגטע ליעבע וועט מאַכען אויף איהר אַזאַ שטאַרקען איינדרוק. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין אויגענבליק. זיא האָט זיך דערמאָהנט אויף ווראָנסקין. זיא האָט אויפגעהויבען אויף לעווינען איהרע ליכטיגע, וואהרהייטליכע אויגען און, דערזעהענדיג זיין פערצווייפעלטען פּנים, האָט זיא איילענדיג געענטפערט:

— דאָס קאָן ניט זיין . . . פערצייהעט מיר.

וויא נאָהענט זיא איז איהם געווען מיט אַ מינוט פריהער! וויא וויכטיג זיא איז געווען פאַר זיין לעבען! און וויא פרעמד און ווייט זיא איז איהם איצט געוואָרען!

— דאָס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין — האָט ער געזאָגט ניט קוקענדיג אויף איהר. ער האָט זיך פערנייגט און האָט געוואָלט אַוועקגעהן.

.14

אָבער אַקוראַט אין דעם מאָמענט איז אַרויסגעקומען דיא פירסטין. אויף איהר פּנים האָט זיך אָבגעצייכענט שרעק, ווען זיא האָט זיי דערזעהען אליין מיט זייערע צוטראָגענע פּנים׳ער. לעווין האָט זיך אַ נייג געטהאָן און האָט גאָרנישט

געזאָגט: קיטי האָט געשוויגען, ניט אויפהויבענדיג דיא אויגען. „דאַנקען גאָט, אַבגעזאָגט", האָט אַ טראַכט געטהאָן דיא מוטער און איהר פּנים האָט אַ שיין געטהאָן מיט דעם געוועהנליכען שמייכעל, מיט וועלכען זיא פּלעגט בעגעגנען געסט אום דאָנערשטאַגס. זיא האָט זיך געזעצט און האָט אָנגעהויבען אויספּרע־גען לעווינען וועגען זיין לעבען אין דאָרף. ער האָט זיך ווידער געזעצט, וואַרטענ־דיג אַז עס וועלען אָנקומען געסט, וועט ער קאָנען אַוועק אונבעמערקט.

אין פינף מינוטען אַרום איז אַריין קיטי'ס אַ פריינדין, וועלכע האָט דעם פאָריגען ווינטער חתונה געהאַט, דיא גרעפין נאָרדסטאָן.

דאָס איז געווען אַ טרוקענע, געלע, נערוועזע, קרענקליכע פּרויענצימער, מיט שוואַרצע בליציגע אויגען. זיא האָט ליעב געהאַט קיטי'ן, און איהר ליעבע צו איהר, וויא אימער דיא ליעבע פון פערהייראַטהע פרויען צו מיידלעך, האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואונש צו פערהייראַטהען קיטי לויט איהר אידעאַל פון גליק. זיא האָט געוואָלט אַז קיטי זאָל הייראַטהען מיט ווראָנסקין. לעווין, וועל־כען זיא האָט בעגעגענט אָפט דאָ אין הויז אנפאַנג ווינטער, איז איהר אַלע מאָהל געווען אונאַנגענעהם. איהר שטענדיגע און ליעבסטע בעשעפטיגונג, ווען זיא פלעגט זיך באַגעגנען מיט איהם, איז געווען, אָבצולאַכען פון איהם.

— איך ליעב ווען ער קוקט אויף מיר אַראָב פון דער הויך פון זיין גרויס־קייט, אָדער ווען ער הערט אויף מיט מיר צו ריידען דערפאַר, ווייל איך בין דום, אָדער ווען ער איז גנעדיג צו מיר. איך האָב דאָס זעהר ליעב: פון אויבען אַראָב קוקט ער אויף מיר! איך בין זעהר גערן, וואָס ער קאָן מיך ניט ליידען — האָט זיא געזאָגט וועגען איהם.

זיא איז געווען גערעכט, וואַרום לעווין האָט אין דער ווירקליכקייט ניט געקאָנט זיא גדאַכטען און האָט זיא פערהאַסט דוקא פאַר דאָס, מיט וואָס זיא האָט שטאָלצירט און וואָס זיא האָט גערעכענט אין זיך פאַר אַ גרויסע מעלה. ער האָט זיא געהאַסט פאַר איהר נערוועזקייט, פאַר איהר אויסגעאיידעלטע פעראַכ־טונג און גלייכגילטיגקייט צו אַלעס, וואָס איז פּשוט און פון געוועהנליכען לעבען.

צווישען איהם און גרעפין נאָרדסטאָן האָט זיך איינגעשטעלט יענע בעציהונג, וועלכע מען טרעפט אָפט אין הויכער געזעלשאַפט; בלייבענדיג אויסערליך אין פריינדליכע בענעהמונגען איינער צום צווייטען, האָסען אָבער אין אמת'ן איינער דעם אַנדערן אַזוי אַז זיי קאָנען ניט ערנסט ריידען איינער מיט'ן צווייטען און קאָנען זיך אפילו ניט בעליידיגען איינער פון צווייטען.

— אַ, קאָנסטאַנטין דמיטריטש! ווידער געקומען אין אונזער זינדיגען בבל — האָט זיא געזאָגט, דערלאַנגענדיג איהם איהר קליינע, געלע האַנד און דערמאָנענדיג זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט עפּעס אַמאָל אָנפאַנגס ווינטער אַרויסגערעדט, זאָגענדיג, אַז מאָסקוואַ איז אַ מין בבל. — וואָס־זשע, איז בבל בע־סער געוואָרען אָדער איהר זייט פערדאָרבען געוואָרען? — האָט זיא צוגעלייגט און שפּאַסענדיג געקוקט אויף קיטי.

— עס איז פאַר מיר זעהר שמייכעלהאַפט, גרעפין, וואָס איהר געדיינקט מיינע ווערטער — האָט געענטפערט לעווין, וועלכער האָט בעוויזען אין דער צייט צו קומען צו זיך און לויט געוועהנהייט גלייך אַריינגעטראָטען אין שפּאַסיג־

# אננא קארעגינא

פיינדליכער בעציהונג צו דער גרעפין נארדסטאן — אפנים, זיי האבען אויף אייך געמאכט א שטארקע ווירקונג.

— אך, וויא דען! איך פערשרייב דאך אלעס. נו וואס, קיטי, דו האסט זיך היינט ווידער געגליטשט ? . . .

און זיא האט אנגעהויבען ריידען מיט קיטי. וויא לעווינען איז געווען א־נבעקוועם איצט אוועקצוגעהן, פון דעסטוועגען איז איהם געווען לייכטער צו טהאן דיא דאזיגע אונבעקוועמליכקייט, איידער בלייבען דעם גאנצען אבענד דא און זעהען קיטי, וועלכע האט זעלטען צו איהם א קעהר געטהאן דיא אויגען און האט געזעהען אויסצומיידען זיין בליק. ער האט געוואלט אויפשטעהן, אבער דיא פירסטין האט באמערקט אז ער שווייגט האט זיא זיך צו איהם א ווענד געטהאן :

— זייט איהר אויף לאנג געקומען קיין מאסקווא? איהר זייט דאך דוכט זיך באשעפטיגט מיט זעמסטווא־אנגעלעגענהייטען און איהר קאנט מסתמא אויף לאנג ניט בלייבען.

— ניין, פירסטין, איך באשעפטיג זיך מעהר דערמיט ניט — האט ער געזאגט — איך בין געקומען אויף אייניגע טעג.

„עפעס טהוט זיך מיט איהם וואס בעזאנדערעס — האט א טראכט געטהאן גרעפין נארדסטאן אנקוקענדיג זיין שטרייענגען, ערנסטען פנים — עפעס מיידט ער אויס היינט זיינע מיינונגען ארויסצוזאגען. אבער איך וועל איהם שוין ארייגשלעפען אין א געשפרעך. איך האב שרעקליך ליעב צו מאכען איהם פאר א נאר אין קיטי׳ס אויגען, און איך וועל איהם מאכען“.

— קאנסטאנטין דמיטריטש — האט זיא ווידער אנגעהויבען — ער־קלעהרט מיר, זייט אזוי גוט, וואס זאל דאס בעדייטען, וואס אין אונזער מאיאנ־מעק אין קאלוגא האבען אלע מוזשיקעס און מוזשיטקעס זיך צושיכור׳ט און האבען פער׳שיכורט אלעס, וואס זיי האבען געהאט. און איצט צאהלען זיי אונז גאר־ניט. וואס זאל דאס בעדייטען? איהר מוזט דאך דאס וויסען, איהר זייט דאך א שטענדיגער פערטהיידיגער פון דיא מוזשיקעס.

אין דער מינוט איז נאך א דאמע אריין אין צימער, און לעווין האט זיך אויפגעהויבען פון פלאץ.

— ענטשולדיגט, גרעפין, אבער איך וויים ווירקליך גארניט וועגען דעם און קאן אייך וועגען דעם גארנישט זאגען — האט ער געזאגט און האט אנגעקוקט דעם מיליטערישען יונגען מאן, וועלכער איז אריינגעקומען גלייך נאך דער דאמע.

„דאס מוז זיין ווראנסקי“ — האט א טראכט געטהאן לעווין, און אום צו איבערצייגען זיך דעריין, האט ער א קוק געטהאן אויף קיטי. זיא האט שוין בעוויזען א קוק צו טהאן אויף ווראנסקי און האט זיך אומגעקוקט צו לעווינען. און פון אט דעם איין בליק פון איהרע ניט וועלענדיג אויפשיינענדע אויגען האט לעווין פערשטאנען אז זיא ליעבט דעם דאזיגען מענשען; ער האט דאס אזוי גוט פערשטאנען, וויא זיא וואלט דאס איהם זאגען מיט אפענע ווערטער. אבער וואס איז ער פאר א מענש ?

און איצט שוין, גוט אדער שלעכט, לעווין האט שוין ניט געקאנט ניט

בלייבען: איהם האָט זיך געוואָלט וויסען, וואָס פאר א זאַרט מענש איז דאָס יענער, וועמען זיא האָט ליעב.

עס זיינען פאראן מענשען, וואָס אז עס פאַלט זיי אויס צו בעגעגענען זיך מיט זייערען א קאָנקורענט אין וואָס ניט איז זיינען זיי באלד פארטיג אָב־צוקעהרען זייערע אויגען פון אַלעס גוטע וואָס איז פאראן אין איהם און וועלען זוכען צו זעהען אין איהם בלויז שלעכטעס. פאראן אָבער מענשען, וואָס פארקעהרט: זיי ווילען מעהר פון אַלעס געפינען אין זייער גליקליכען קאָנ־קורענט יענע אייגענשאפטען, יענע מעלות, מיט וועלכע ער האָט זיי בעזיעגט, און מיט א שניידענדען ווייטאָג אין אייגענעם הארצען, זוכען זיי אין זייער נעגנער בלויז דיא גוטע זייטען. לעווין האָט בעלאנגט צו אָט דעם סאָרט מענשען.

אָבער איהם איז ניט שווער געווען צו געפינען גוטעס און אנציהענדעס אין ווראָנסקין. דאָס האָט זיך איהם גלייך געוואָרפען אין דיא אויגען. ווראָנסקי איז געווען ניט קיין הויכער, פעסט־געבויטער ברונעט, מיט א גוט־מוטהיגען שעהנעם, זעהר רוהיגען און פעסטען פנים. אין זיין געזיכט און פיגור, פון דיא קורץ־געשאָרענע שווארצע האָאר און ריין־פריש־ראזירטען אונטער־פנים, ביז דעם ברייטען שפּאָגעל־נייעם מונדיר, אַלעס איז געווען איינפאך און גע־שמאַקפול. לאָזענדיג א וועג דער אריינקומענדער דאמע, איז ווראָנסקי צו־געגאנגען צו דער פירסטין און דערנאָך צו קיטי.

אין דער צייט ווען ער איז צו איהר צוגעגאנגען, האָבען זיינע שעהנע אויגען בעזונדער צערטליך אָנגעהויבען צו גלאנצען, און מיט א קוים בעמערק־בארען גליקליכען, בעשיידענעם און געהויבענעם שמייכעל (אזוי האָט דאָס אויסגעוויעזען לעווינען) האָט ער זיך העפליך און פאָרזיכטיג אָנגעבויגט איבער איהר און האָט איהר דערלאַנגט זיין ניט לאנגע אָבער ברייטע האנד.

בעגריעסענדיג יעדען און זאָגענדיג אייניגע ווערטער, האָט ער זיך געזעצט, קיין איין מאָל ניט א קוק טהאָנ׳דיג אויף לעווינען, וועלכער האָט פון איהם ניט אראָבגענומען דיא אויגען.

— ערלויבט מיר אייך פאָרצושטעלען — האָט געזאגט דיא פירסטין אָנ־ווייזענדיג אויף לעווינען: — קאָנסטאנטין דמיטריעוויטש לעווין. גראַף אלעקסיי קירילאָוויטש ווראנסקי.

ווראנסקי האט זיך אויפגעהויבען און קוקענדיג פריינדליך לעווינען אין דיא אויגען, האָט ער איהם א דריק געטאָהן דיא האנד.

— איך האב היינטיגען ווינטער געהאַט דוכט זיך, אן איינלאַדונג צו זיין מיט אייך צוזאמען אויף א מאָהלצייט — האָט ער געזאגט מיט זיין אָפענעם און איינפאכען שמייכעל — נור איהר זייט פּלוצלינג אוועקגעפאהרען אין דאָרף.

— קאָנסטאַנטין דמיטריטש האסט און קאן ניט אָנקוקען דיא שטאָדט און אונז, שטאָדטישע מענשען — האָט אריינגעזאגט גרעפין נאָרדסטאָן.

— אפנים וויא מיינע ווערטער האבען געמוזט אויף אייך שטארק ווירקען, אז איהר געדענקט זיי אזוי גוט — האט געזאגט לעווין, און האט זיך גלייך דער־מאָהנט, אז ער האט דאס שוין פריהער געזאגט, און איז רויט געווארען.

ווראָנסקי האָט אַ קוק געטהאָן אויף לעווינען און אויף דער גרעפין נאָרד־סטאָן און האט אַ שמייכעל געטאָהן.

— און איהר פערברייננגט שטענדיג צו לאַנד ? — האט ער אַ פרעג גע־טאָהן — איך דיינק, אַז ווינטער מוז דאָרט זיין לאַנגווייליג.

— ניט לאַנגווייליג, אויב עס איז פאראַן בעשעפטיגונג, און אפילו מיט זיך אַליין איז ניט לאַנגווייליג — האט שניידענד געענטפערט לעווין.

— איך ליעב דיא דאָרף — האט געזאגט ווראָנסקי, באַמערקענדיג, אָבער מאַכענדיג זיך וויא ער בעמערקט ניט, לעווין׳ס טאָן.

—אָבער איך האָף, גראַף, אַז איהר וואָלט ניט איינוויליגען צו וואָהנען שטענדיג אין דאָרף — האָט געזאגט גרעפין נאָרדסטאן.

— איך ווייס ניט, איך האָב ניט פּרובירט לאַנג. איך האב געשפּירט אַ מאָדנעם געפיהל —- האָט ער פאָרטגעזעצט — ערגעץ האָב איך אַזוי ניט גע־בייגקט נאָך דער רוסישער דאָרף, מיט דיא לאַפּטיעס און מוזשיקעס, וויא דאן ווען איך האב פערבראַכט מיט מיין מוטער אַ ווינטער אין ניצצאַ. ניצצא אַליין איז לאַנגווייליג, וויא איהר ווייסט. און אפילו נעאַפּאָל און סארענטא זיינען גוט בלויז פאר אַ קורצע צייט. און דוקא דאָרט פרישט זיך אָפּ דיא ערינערונג וועגען רוססלאַנד, און נעמליך דיא רוסישע דאָרף. דאס איז אַזוי וויא....

ער האט גערעדט וועגדענדיג זיך צו קיטי און צו לעווינען, איבערטראָגענ־דיג פון איינעם אויפ׳ן צווייטען זיין רוהיגען און פריינדליכען בליק; האָט גערעדט, וויא עס האָט געשיינט, וואס איהם איז ניט ארויף אויפ׳ן זינען.

בעמערקענדיג אַז דיא גרעפין נאָרדסטאן האָט געוואָלט וואס זאָגען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, ניט דערזאָגענדיג וואס ער האט אָנגעהויבען, און האט אָנ־געהויבען אויפמערקזאַם צוהערען זיך צו איהרע רייד.

דאס געשפּרעך איז אויף קיין מינוט ניט אַנשווייגען געווארען, אַזוי אַז פּאר דער אַלטער פירסטין, וועלכע האָט אימער געהאַלטען אָנגעגרייט, אין פאַל עס וועלען זיך אויסנעהמען טהעמאַס, צוויי שווערע האַרמאַטען: קלאַסישע און רעאַלע בילדונג און אַלגעמיינע מיליטער־פּפליכט, איז היינט ניט געוועזן נויטיג ארויסצורוקען איהר געוועהר, און דער גרעפין נאָרדסטאָן איז ניט אויסגעקומען צו רייצען זיך מיט לעווינען.

לעווין האט געוואָלט, האָט אבער ניט געקענט בעטהייליגען זיך אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך; יעדע מינוט האָט ער זיך געזאגט: „איצט דאַרף מען געהן“, און ער איז דאָך ניט געגאַנגען, אַלץ וואַרטענדיג אויף עפּעס.

עס איז אוועק אַ געשפּרעך וועגען טישען וואס טאַנצען און וועגען גייס־טער, און דיא גרעפין נאָרדסטאַן, וועלכע האָט געגלויבט אין ספּיריטואַליזם, האָט אָנגעהויבען דערצעהלען נסים, וועלכע זיא האָט אַליין געזעהן.

— אַך, גרעפין, פיהרט מיך אַהין, ניט אַנדערש, פיהרט מיך צו זיי! איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזעהען קיין עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, אָבוואָהל איך זוך אומעטום — האָט שמייכלענדיג געזאגט ווראנסקי.

— גוט, קומענדען שבת — האָט געענטפערט גרעפין נאָרדסטאָן — און איהר, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, גלויבט דעריין? — האָט זיא געפרעגט.

# אננא קארעני נא

— צו וואס פרעגט איהר מיך דאס ? איהר ווייסט דאָך, וואס איך וועל זאָגען.

— אבער איך וויל הערען אייער מיינונג.

— מיין מיינונג איז בלויז דאס — האָט געענטפערט לעווין — אַט די אלע טישען, וואס דרעהען זיך, בעווייזען נור, אז דיא זאָגענאַנטע געבילדעטע געזעלשאַפט שטעהט ניט העכער פון דיא מוזשיקעס. דיא פויערן גלויבען אין עין הרע, אין רוחות, און מיר....

— וואס־זשע, הייסט דאס, איהר גלויבט ניט ?

— איך קאָן ניט גלויבען, גרעפין.

— אבער אויב איך האָב אליין געזעהען ?

— און דיא פויערטעס דערצעהלען דאָך אויך, וויא זיי האָבען אליין געזעהען, „יענעקייטען“, שדים.

— דענקט איהר, אז איך זאָג א ליגען ?“ — און זיא האָט זיך ניט פרעהליך צולאַכט.

— אָך, ניין, מאשא, קאָנסטאַנטין דמיטריש זאָגט, אז ער קאָן ניט גלויבען — האָט געזאגט קיטי, רויט ווערענדיג פאַר לעווינען. לעווין האָט דאס פערשטאַנען, און ווערענדיג נאָך מעהר צורייצט, האָט ער געוואלט ענטפערן, נור ווראנסקי איז מיט זיין אָפענעם, פרעהליכען שמייכעל געקומען צו הילף, דאס געשפרעך זאָל ניט אָנהויבען ווערען צו אונאַנגענעהם.

— איהר לאָזט גאָר ניט צו דיא מעגליכקייט — האָט ער געפרעגט — פארוואס ? אַט אנערקענען מיר דאָך דיא עקזיסטענץ פון עלעקטריציטעט, וועלכען מיר ווייסען ניט. פאַר וואָס־זשע קאָן ניט זיין ס'זאָל זיין א נייע קראַפט, וועלכע איז אונז נאָך אונבעוואוסט, וועלכע...

— ווען מען האט ערפונדען עלעקטריציטעט — האָט שנעל איבערגעשלאָגען לעווין — איז געוועזען ענטדעקט נור דיא ערשיינונג, און מען האָט ניט געוואוסט פון וואנען דאס נעהמט זיך און וואס דאס קאן שאפען. און עס זיינען אריבערגעגאנגען יאהרהונדערטען איידער מען האט א טראכט געטאָהן וויא עס אנצו־ווענדען. דיא ספיריטואליסטען אָבער טהוען פארקעהרט. זיי האָבען אָנגעהויבען דערפון וואס טישלאָך שרייבען ביי זיי און גייסטער קומען צו זיי, און דערנאָך ערשט האָבען זיי אָנגעהויבען ריידען, אז דאס איז אן אונבעוואוסטע קראפט.

ווראנסקי האָט אויפמערקזאם געהערט לעווינען, וויא ער האָט אימער ליעב געהאט צו הערען, אינטערעסירענדיג זיך מיט זיינע ווערטער.

— יא, אָבער דיא ספיריטואליסטען זאָגען איצט: מיר ווייסען ניט וואס דאס איז פאר א קראפט, אָבער א קראפט איז פאראן, און אָט אונטער וועלכע אומשטענדען דיא קראפט ווירקט. און לאָזען די געלעהרענטע ענטדעקען אין וואָס דיא דאָזיגע קראפט בעשטעהט. ניין, איך זעה ניט, פאר וואס דאס קען ניט זיין א נייע קראפט, אויב זיא....

— דערפאר — האָט ווידער איבערגעשלאָגען לעווין — דערפאר, ווייל אין עלעקטריציטעט איז יעדער מאָהל וואס איהר וועט א ריב טאָהן פעך אן וואָל

וועט זיך ווייזען א בעשטימטע ערשיינונג, און דא ווייזט זיך דאס ניט יעדער מאהל, הייסט דאס, אז דאס איז ניט קיין נאטור־ערשיינונג.

וואהרשיינליך פיהלענדיג, אז דאס געשפרעך וועט ווערען צו ערענסט פאר אן אונטערהאלטונג אויף אן אבענד, האט ווראנסקי ניט ווידערשפראכען, נור זוכענדיג איבערצובייטען דעם געגענשטאנד פון געשפרעך האט ער פרעהליך א שמייכעל געטאהן און האט זיך א קעהר געטאהן צו דיא דאמען.

— גוט, מיר וועלען גלייך פרובירען, גרעפין — האט ער אנגעהויבען, אבער לעווין האט געוואלט דערזאגען זיין מיינונג.

— איך דענק — האט ער פארטגעזעצט — אז דער פערזוך פון דיא ספיריטואליסטען צו ערקלעהרען זייערע נסים מיט א וועלכער ניט איז נייער קראפט, איז זעהר ניט קיין געלונגענער. זיי ריידען וועגען א גייסטיגער קראפט און ווילען דאס אונטערווארפען מאטעריאליסטישע עקספערימענטען.

אלע האבען געווארט ווען ער וועט ענדיגען, און ער האט דאס געפיהלט.

— און איך מיין, אז איהר וואלט געוועזען א גוטער מעדיאום — האט געזאגט גרעפין נארדסטאן — אין אייך געפינט זיך עפעס געהויבענעס.

לעווין האט געעפענט דעם מויל, האט געוואלט וואס זאגען, איז רויט געווארען און האט גארנישט געזאגט.

— גוט, פירסטין, לאמיר גלייך פרובירען טישען, געפעליגסט — האט געזאגט ווראנסקי.

און ווראנסקי האט זיך אויפגעהויבען, זוכענדיג מיט די אויגען א טישעל.

קיטי האט זיך געשטעלט הינטערן טיש, און פערבייגעהענדיג האט זיא זיך מיט דיא אויגען בעגעגענט מיט לעווינען. זיא האט פון גאנצען הארצען געפיהלט מיטלייד מיט איהם, אוו נאך מעהר האט זיא געפיהלט זיין אונגליק דערפאר, ווייל דיא אורזאכע פון זיין אונגליק איז זיא. „אויב מען קען מיר פערצייהען — האט געזאגט איהר בליק — דאן פערצייהעט. איך בין אזוי גליקליך.“

„איך האס אייך אלעמען, אי אייך, אי זיך“, האט געענטפערט זיין בליק, און ער האט זיך גענומען פאר'ן הוט. אבער איהם איז ניט באשערט געוועזען ארויסצוגעהען. נור וואס מען האט זיך געוואלט איינריכטען ארום טישעל, און נור וואס לעווין האט געוואלט אוועקגעהן, וויא עס איז אריינגעקומען דער אלטער פירסט, און בעגריסענדיג דיא דאמען, האט ער זיך א ווענד געטאהן צו לעווינען.

— א ! — האט ער אנגעהויבען מיט שמחה — שוין לאנג דא ? איך האב דאך גאר ניט געוואוסט אז דוא ביזט דא. זעהר גערן אייך צו זעהען.

דער אלטער פירסט פלעגט זאגען צו לעווינען, אמאל „דוא“ און אמאל „איהר“. ער האט איהם אומארעמט און, ריידענדיג מיט איהם האט ער ניט באמערקט ווראנסקין, וועלכער איז אויפגעשטאנען און האט רוהיג געווארט, ווען דער פירסט וועט צו איהם זיך ווענדען.

קיטי האט געפיהלט, אז נאך דעם וואס איז פארגעקומען איז דיא פריינדליכקייט פון פאטער געוועזען שווער פאר לעווינען. זיא האט אויך געזעהען, וויא קאלט דער פאטער האט דערנאך געענטפערט אויף ווראנסקי'ס בעגריסונג, און

ווי וורצנסקי האָט מיט א פריינדליכע פערוואונדערונג א קוק געטאָהן אויף איהר פּאַטער, זוכענדיג צו פארשטעהן, וויא אזוי און פאר וואָס קאָן מען צו איהם אונ־פריינדליך זיין, און זיא איז רויט געוואָרען.

— פירסט, לאָזט פאר אונז אָב קאָנסטאנטין דמיטריטש — האָט געזאָגט גרעפין נארדסטאן — מיר ווילען מאכען אַן עקספּערימענט.

— וואָס פאר אַן עקספּערימענט? טישלעך דרעהען? נו, ענטשולדיגט מיר, מיינע דאַמען און הערען, נור מיר דוכט זיך אַז אין רינגעלע איז שוין פרעהליכער צו שפּיעלען — האָט געזאָגט דער אלטער פירסט, קוקענדיג אויף ווראנסקי און טרעפענדיג, אַז ער האָט דאָס אָנגעהויבען — יא אין רינגעל־שפּיעל איז נאָך לכל הפחות פּאראַן א זינען.

ווראנסקי האָט א פערוואונדערטער א קוק געטאָהן אויף דעם פירסט מיט זיין פעסטען בליק און, קוים שמייכלענדיג, האָט ער באלד אָנגעהויבען ריידען מיט דער גרעפין נארדסטאן וועגען דעם גרויסען באַל, וועלכער דאַרף זיין קומענדע וואָך.

— איך האָף, אַז איהר וועט זיין — האָט ער זיך געווענדעט צו קיטי.

וויא נור דער אלטער פירסט האָט פון איהם אָבגעטראָטען איז לעווין אונ־באמערקטערהייט ארויסגעגאַנגען, און דער לעצטער איינדרוק, וועלכען ער האָט ארויסגעטראָגען פון דעם דאָזיגען אבענד, איז געווען דער שמייכלענדער, גליקלי־כער פּנים פון קיטי, וועלכע האָט געענטפערט ווראנסקין אויף זיין פראַגע וועגען באַל.

## 15

ווען דער אבענד האָט זיך געענדיגט, האָט קיטי דערצעהלט דער מוטער וועגען איהר געשפּרעך מיט לעווינען, און ניט קוקענדיג אויף דעם גאַנצען מיט־לייד, וואָס זיא האָט געפיהלט מיט לעווינען, האָט איהר געפרעהט דער געדאַנק, וואָס מען האָט איהר געמאַכט א ליעבעס־ערקלעהרונג. ביי איהר איז קיין צווייפעל ניט געווען אַז זיא האָט געהאַנדעלט וויא עס דאַרף צו זיין. אָבער ליגענדיג שוין אין בעט האָט זיא לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפען. איין איינדרוק האָט איהר פערפאָלגט אונאויפהערליך: דאָס איז געווען לעווינס פּנים מיט די פערוואָל־קענטע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס האָבען טרויעריג ארויסגעקוקט גוטע אויג־גען; וויא ער איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט צו איהר פאָטער און האָט אַליץ געקוקט אויף איהר און אויף ווראנסקי. און איהר האָט אזוי באַנק געטאָהן, אַז טרעהרען זיינען איהר אָנגעלאָפען אין די אויגען.

אָבער באלד האָט זיא א טראַכט געטאָהן וועגען דעם, אויף וועמען זיא האָט איהם פערביטען. איהר האָט זיך לעבעדיג פאָרגעשטעלט דיעזער מענליכער, פעסטער פּנים, דיעזע אדעליגע רוהיגקייט און זיין גוטסקייט וועלכע האָט גע־

לויכטען אין אלעם פאר אלעמען. זיא האט זיך דערמאנט וועגען דער ליעבע פון יענעם צו איהר, וועמען זיא האט געליעבט, און איהר איז ווידער געוואָרען מונ־טער אויפ'ן הארצען און מיט א שמייכעל פון גליק האט זיא צוגעלייגט איהר קאפ אויפ'ן קישעלע. „שאדע, שאדע, אָבער וואס קאן מען מאכען? איך בין ניט שול־דיג", האט זיא זיך געזאגט; נור אן אינערליכע שטימע האט צו איהר גערעדט עפעס אנדערעס. האט זיא דאס חרטה געהאט דערויף, וואס זיא האט אריינגע־צויגען לעווינען אָדער דערויף, וואס זיא האט איהם ענטזאגט — דאס האט זיא אליין ניט געוואוסט. איהר גליק איז אָבער געווען פערגיפטעט פון צווייפעל. „גאָט, ערבארעם זיך! גאָט, ערבארעם זיך!" האט זיא געמורמעלט פאר זיך, ביי זיא איז איינגעשלאפען.

אין דער צייט איז אונטען, אין דעם קליינעם קאבינעט פון פירסט, פאר־געקומען איינע פון די אָפטע סצענען, וואס פלעגען פארקומען צווישען די עלטערן איבער זייער געליעבטער טאָכטער.

— וואס? אָט וואס! — האט געשריען דער פירסט, פאָכענדיג מיט די הענד און באלד פערמאכענדיג זיין פוטערנעם כאלאט — דאס, וואס אייך פעהלט שטאלץ, ווירדע, וואס איהר פערמיאוסט, פעראונגליקט אייער טאָכטער מיט אָט דער שדכנות אייערע, מיט דער נארישער, געמיינער שדכנות אייערע!

— אָבער אום גאָטעס ווילען, פירכט, וואס האב איך געטאָהן? — האט געזאגט די פירסטין, שיער ניט וויינענדיג.

זיא איז געווען א גליקליכע, א צופריעדענע נאך איהר געשפרעך מיט דער טאָכטער, און איז געקומען צום פירסט צו זעגענען זיך מיט איהם פאר'ן שלאפען געהן, און הגם זיא האט ניט געהאט די אבזיכט צו דערצעהלען איהם, אז לעווין האט געמאכט קיטין א פארשלאג און אז זיא האט איהם ענטזאגט, אָבער זיא האט געמאכט אָנדייטונגען איהר מאן, אז זיא דיינקט דאס די פאר־טיי מיט וורָאנסקי איז א זיכערע זאך, אז וויא נור זיין מוטער וועט קומען צופאָהרען וועט זיך דאס ענטשיידען. און איבער די דאזיגע ווערטער איהרע איז דאס דער פירסט געוואָרען אן אנגעצונדענער און האט אנגעהויבען אויסצו־שרייען אונאנשטענדיגע ווערטער.

— וואס איהר האט געטאָהן? אָט וואס: ערשטענס, פערלאָקט איהר א חתן, און גאנץ מאסקווא וועט וועגען דעם ריידען, און וועט גערעכט זיין. אויב איהר פעראנשטאלטעט אן אבענד, דאן לאדעט איין אלעמען, און ניט בלויז אויסגעוועהלטע חתנים'לאך. רופט אלעמען, אָט די אלע צוציקעס (אזוי האט דער פירסט גערופען די מאסקווער יונגע־לייט) און זאלען זיי טאנצען, און ניט אזוי וויא היינטיגען אבענד — חתנים'לאך, און צונויפ'שדכ'ע־נען... מיר איז דאס עקעלהאפט צו זעהען, עקעלהאפט, עקעלהאפט. און איהר האט זיך דערשלאָגען דאס אייעריגע, האט דער מיידעלע פערדרעהט דעם קאפ. לעווין איז טויזענדער מאהל א בעסערער מענש. און אָט דער פעטערבורגער פראנטעל, זיי פאבריצירט מען דאך אויפ'ן מאשין; זיי זיינען אלע אויף דעם זעלבען שניט און זיינען אלע טינוף. און ווען ער זאל אפילו זיין א ריינבלוטיגער פרינץ, מיין טאָכטער נויטיגט זיך אין קיינעם ניט.

# אננא קארענינא

— אָבער וואָס־זשע האָב איך אזוינס געטאָהן?
— אָט דאָס!... — האָט צאַרעגדיג א געשריי געטאָהן דער פירסט.
— איך וויים, אז ווען מען זאָל דיך הערען — האָט איבערגעשלאָגען דיא פירסטין — דאַן וועלען מיר דאָך קיין מאָהל אונזער טאָכטער ניט אויסגעבען. אויב אזוי, דארף מען שוין גאָר אוועקפאָהרען אין דאָרף.
— איז טאַקע בעסער אוועקצופאָהרען.
— אָבער ווארט. בעט איך זיך דען ביי ווענוען? איך האָב ניט געזוכט קיין געפעליגקייט. א יונגער מענש, זעהר א גראָטענער, האָט זיך פערליעבט און זיא, דוכט זיך...
— נו, אָט דוכט זיך אייך! און ווען זיא וועט זיך טאַקע אין דער ווירק־קייט פערליעבען, און ער טראַכט אזוי וועגען הייראַטהען, וויא איך?... אַך! ווען מיינע אויגען וואָלטען דאָס וויינינגסטענס ניט זעהען!... „אַך, ספּיריטו־אַליזם! אַך, ניצצא! אַך, אויפ׳ן באַלל...“ האָט דער פירסט זיך צוגעזעצט ביי יעדען וואָרט, פארשטעלענדיג זיך אז ער קרימט דאָס נאָך דיא ווייב׳ס מאַ־ניערען — און אָט, ווען מיר וועלען קאַטיענקען אונגליקליך מאַכען, ווען זיא וועט זיך ווירקליך אריינגעהמען אין קאָפּ...
— אָבער פאר וואָס עפּעס דיינקסט דו?...
— ניט איך דיינק, נור איך וויים; דאַרויף זיינען אויגען פאַראַן ביי אונז, און ניט ביי ווייבער. איך זעה א מענשען, וועלכער האָט ערנסטע אבזיכ־טען: דאָס איז לעווין; און איך זעה א פויגעל, וויא אָט דער קנאַקער, וועלכער וויל נור פרעהליכקייט פאר זיך.
— נו ווען דו נעהמסט זיך שוין וואָס אריין אין קאָפּ...
— אָט וועסט דו דערמאָנען מיינע רייד, אָבער ס׳וועט שוין זיין צו שפּעט, אזוי וויא מיט אונזער דאַשינקען.
— נו, גוט, גוט, לאָמיר מעהר ניט ריידען, — האָט איהם אָבגעשטעלט דיא פירסטין, דערמאָנענדיג זיך וועגען דער אונגליקליכער דאָלי.
— איז טאַקע זעהר שעהן, און זיי געזונד!
און איבער׳צלם׳ענדיג איינער דעם אַנדערען, אָבער פיהלענדיג אז יע־דערער איז געבליעבען ביי זיין מיינונג, זיינען זיך מאַן און ווייב צוגאַנגען.
דיא פירסטין איז געוועזען ביי זיך שטאַרק זיכער, אז דער דאָזיגער אבענד האָט ענטשיידען קיטי׳ס שיקזאַל און אַז עס קאָן קיין צווייפעל ניט זיין אין וורָאָנסקים אבזיכטען; אָבער דעם מאַן׳ס ווערטער האָבען זיא גאָר צומישט. און ווען זיא האָט זיך אומגעקעהרט צו זיך אין צימער, האָט זיא, אויך אזוי וויא קיטי, אויס שרעק פאר דער אונבעוואוסטער צוקונפט ווידערהאָלט אין הארצען: „גאָט ערבאַרעם זיך! גאָט, ערבאַרעם זיך! גאָט, ערבאַרעם זיך!“

# אננא קארענינא

## 16.

ווראָנסקי האָט קיין מאָהל ניט געוואוסט פון קיין פאַמיליען־לעבען. זיין מוטער האָט יונגערהייט געגלאַנצט אין העכערער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אין דער צייט וואָס זי איז געווען פערהייראַטה, און בעזונדער נאָך דערנאָך, געהאַט פיעלע ראָמאַנען, פון וועלכע דיא גאַנצע געזעלשאַפט האָט געוואוסט. זיין פאָטער האָט ער קוים געקענט געדיינקען און ערצויגען האָט ער זיך אין פאַזשען־קאָרפּוס.

ענדיגענדיג דיא שוהל אַלס זעהר יונגער גלענצענדער אָפיציער, איז ער גלייך אַרויף אויף'ן וועג פון דיא רייכע פּעטערבורגער מיליטער־מענשען. ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס ער פלעגט אויספאָהרען אין פּעטערבורגער געזעלשאַפט, פון דעסטוועגען זיינען אַלע זיינע ליעבעס פאַרגעקומען ניט אין דער געזעלשאַפט.

אין מאָסקווא האָט ער דאָס, נאָך א רייכען און גראָבען לעבען אין פּעטערסבורג, צום ערשטען מאָהל פערזוכט דעם פערגעניגען פון צו זיין אין נאָהענטערע בעציהונגען מיט א וועלטליכער, ליעבער און אונשולדיגער מיידעל, וועלכע האָט איהם ליעב בעקומען. איהם איז גאָר אויפ'ן זינען ניט געקומען, אז עס זאָל קאָנען זיין עפּעס שלעכטעס אין זיין בעציהונג צו קיטי. אויף בעלער האָט ער געטאַנצט הויפּטזעכליך מיט איהר ; ער פלעגט באזוכען זייער הויז. ער האָט מיט איהר גערעדט דאָס, וואָס מען רעדט געוועהנליך אין געזעלשאַפט : אַלערליי נאַרישקייט, אָבער נארישקייט, צו וועלכע ער האָט ניט וועלענדיג צוגעגעבען א בעזונדער בעדייטונג אין איהרע אויגען.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט איהר קיין בעזונדער זאַך ניט געזאָגט, וואָס ער וואָלט ניט געקאָנט זאָגען פאַר אַלעמען אין דיא אויגען, האָט ער דאָך געפיהלט, אז זיא ווערט אַליץ מעהר און מעהר אָבהענגיג פון איהם, און וואָס מעהר ער האָט דאָס געפיהלט, אַליץ אַנגענעהמער איז פאַר אים געווען, און זיין געפיהל צו איהר איז געוואָרען צערטליכער.

ער האָט ניט געוואוסט, אז זיין האַנדלונג אין בעצוג צו קיטי האָט א בעשטימטען נאָמען, אז דאָס הייסט פאַרפיהרען מיידלעך אָהן דער אבזיכט חתונה צו האָבען מיט זיי און אז אזא פערפיהרונג איז איינע פון דיא שלעכטע האַנדלונגען, וועלכע זיינען געוועהנליך צווישען גלענצענדע יונגע לייט אזוי וויא ער. איהם האָט זיך געדוכט, אז ער האָט דער ערשטער ענטדעקט דעם פערגעניגען, און ער האָט הנאה געהאַט פון זיין ענטדעקונג.

ווען ער וואָלט געקאָנט הערען, וואָס איהרע עלטערן האָבען גערעדט אין דעם דאָזיגען אבענד ; אויב ער וואָלט זיך געקאָנט שטעלען אויף דעם שטאַנדפונקט פון פאַמיליע און דערוויסען זיך, אז קיטי וועט זיין אונגליקליך אויב ער וועט מיט איהר ניט חתונה האָבען, וואָלט ער זיך זעהר געוואונדערט און וואָלט דאָס ניט געגלויבט. ער האָט ניט געקאָנט גלויבען, אז דאָס וואָס ברייגנט איהם אזוי פיעל פערגניגען, און הויפּטזעכליך איהר א פערגעניגען, זאָל קאָנען זיין אזוי

שלעכט. נאָך וויינינגער וואָלט ער געקאָנט גלויבען, אז ער איז מחויב חתונה צו האָבען.

חתונה האָבען האָט איהם זיך קיין מאָהל ניט אויסגעוויזען אלס מעגליך. ער האָט ניט נור ניט געליעבט קיין פאמיליען־לעבען, נור ער האָט אין פאמיליע, און בעזאָנדערס אין א פערהייראטהען מאַן פאַרגעשטעלט זיך עפּעס פרעמדעס, פיינדליכעס און מעהר פון אלעם — לעכערליכעס.

נור אָבוואָהל ווראנסקי האָט ניט געקאָנט פארדעכטיגען וואָס פאר א גע־שפּרעך עס איז פאָרגעקומען וועגען איהם צווישען קיטים עלטערן, פון דעסטוועגען ווען ער איז דעם דאָזיגען אבענד ארויסגעגאנגען פון דיא שטשערבאצקי׳ס, האָט ער דערפיהלט, אז יענער גייסטיגער געהיימער באנד, וואָס האָט עקזיסטירט צווישען איהם און קיטי, האָט זיך פאַרפעסטיגט אין דעם אבענד אזוי שטארק, אז ער מוז עפּעס וואָס אונטערנעהמען. נור וואָס ער דאַרף אונטערנעהמען האָט ער אליין ניט געקאָנט צוטראכטען.

„עס איז גוט, פרעכטיג, וואָס ניט איך, ניט זיא האָבען קיין זאַך ניט גע־זאָגט איינער דעם צווייטען, נור מיר פארשטעהען זיך אין אָט דעם אונגעזעהענעם געשפּרעך מיט בליקען און אויסדרוק פון שטימע, נור היינט קלעהרער פון אימער, האָט זיא מיר געזאָגט דערמיט, אז זיא ליעבט מיך. און וויא ליעבליך, וויא איינ־פאַך און הויפּטזעכליך וויא פערטרויליך! איך פיהל זיך אליין עפּעס בעסער, ריי־נער. איך פיהל, אז ביי מיר איז פאראן א הארץ און אז אין מיר איז פיעל גוטעס. אָ, דיא דאָזיגע ליעבליכע, פערליעבטע אויגען! ווען זיא האָט געזאָגט: „א ו ן ז ע ה ר. . .“

„נו איז וואָס? נו איז קיין זאַך ניט. מיר איז גוט, און איהר איז גוט“ — האָט ער א קלעהר געטאָהן און האָט זיך פערטראכט וועגען דער פראגע, וואו ער זאָל פארברייננגען דיא איבערגעבליעבענע צייט פון דעם דאָזיגען אבענד.

אין זיין פאָרשטעלונג זיינען דורכגעלאָפּען אלע פּלעצער וואוהין ער האָט איצט געקאָנט צופאָהרען פארברייננגען. „אין קלוב, שאמפּאניער טרינקען מיט איגנאַטאָווען? ניין, איך וועל אהין ניט פאָהרען. אין ש א ט א ד ע פ ל ע ו ר דאָרט וועל איך געפינען אָבלאנסקין, קופּלעטען, טענץ, קאַנקאַן? ניין, ס׳האָט דערעסען! אָט דערפאַר טאַקע האָב איך ליעב שטשערבאצקים הויז, מען פיהלט עפּעס אליין, אז מען ווערט בעסער. איך וועל פאָהרען אהיים.“ און ער איז אוועק אין זיין האָטעל, אין דיוססאָ, האָט געהייסען צו זיך אין נומער אריינברייננגען אבענדברויט, און דערנאָך זיך אויסגעטאָהן, און וויא ער האָט נור אוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויפ׳ן קישען איז ער גלייך איינגעשלאָפען מיט א קרעפטיגען שלאָף.

## .17

אויף דעם צווייטען טאָג אזייגער עלף אין־דער־פריה איז ער צוגעפאָהרען צו דער סטאנציע פון פּעטערסבורגער אייזענבאהן בעגעגענען זיין מוטער, און דיא

# אננא קארענינא

ערשטע פּערזאָן, וועלכע ער האָט געטראָפען אויף דיא טרעפּ פון דעם ברייטען ארויפגאַנג איז געווען אָבלאָנסקי, וועלכער האָט ערווארט מיט דעמזעלבען צוג זיין שוועסטער.

— א ! אייער דורכלויכט ! — האָט אַ געשריי געטאָהן אָבלאָנסקי — נאָך וועמען ביסט דוא געקומען ?

—איך, מיין מוטער בעגעגנען —האָט מיט א שמייכעל, וויא יעדערער וואָס באגעגענט אָבלאָנסקי׳ן, געענטפערט ווראָנסקי, דריקענדיג זיין האַנד — זיא דארף היינט אָנקומען פון פּעטערסבורג.

— און איך האָב אויף דיר געווארט לעצטען אבענד ביז צוויי א זייגער. וואוהין זשע ביסט דוא געפאָהרען פון דיא שטשערבאצקים ?

— אהיים — האָט געענטפערט ווראנסקי — דעם אמת זאָגענדיג, מיר איז געווען אזוי אנגענעהם נאָך דעם אבענד דאָרט, אז איך האָב ערגעץ ניט געוואָלט געהן.

— איך דערקען פערד היציגע פון זייער פאָראָדע און בחורים׳לעך פערליעבטע פון זייערע אויגען — האָט א דעקלאמיר געטאָהן סטעפּאן ארקאַדיעוויטש אויף דעמזעלבען אופן וויא ער האָט דאָס נעכטען דעקלאמירט לעווינען.

ווראָנסקי האָט א שמייכעל געטאָהן מיט א מינע, אז ער לייקענט דאָס ניט אָב, ער האָט אָבער גלייך געענדערט דעם געשפּרעך.

— און וועמען באגעגענסט דוא ? — האָט ער געפרעגט.

— איך ? א שעהנינקע פּרויענצימער — האָט געזאָגט אָבלאָנסקי.

— אזוי גאָר !

— שלעכט איז דער, וואָס דיינקט שלעכט ! — האָט געלאַכט אָבלאנסקי מיט דעם פראנצויזישען שפּרוך — ס׳איז מיין שוועסטער אננא.

— אך, קארענינא ! — האָט געזאָגט ווראנסקי.

— דוא קאָנסט זיא מסתמא ?

— דוכט זיך, אז יא ! אָדער ניין... ווירקליך, איך געדיינק ניט — האָט מיט צוטראָגענהייט געענטפערט ווראנסקי, פארשטעלענדיג זיך ניט קלאָהר ביי דעם נאָמען קארענינא עפּעס קאפּריזנעס און לאנגווייליגעס.

— אָבער אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשען, מיין בעריהמטען שוואָגער קענסט דוא געוויס. איהם קען דאָך דיא גאנצע וועלט.

— דאָס הייסט איך קען איהם פון אָנזעהען און פון הערען וועגען איהם. איך ווייס פון זיין רעפּוטאציע, אז ער איז עפּעס זעהר א קלוגער, א געלעהרנטער, עפּעס גאָר א געטליכער... אָבער דוא ווייסט דאָך, אז דאָס איז ניט אין מיין... נאָט אין מאָי לאין — האָט אויסגעלאָזען ווראנסקי אויף ענגליש.

— יא, ער איז זעהר א מערקווירדיגער מענש ; אביסעל א קאָנסערוואטאָר, אָבער א וואוילער מענש — האָט בעמערקט סטעפּאן ארקאַדיעוויטש — א וואוילער מענש.

— נו, איז איהם גוט — האָט געזאָגט ווראנסקי, שמייכלענדיג — וועלען מיר זונטאג מאכען א באנקעט פאר דער דיווא ? — האָט ער א פרעג געטאָהן נעהמענדיג אָבלאָנסקי׳ן געארעמט.

— ניט אנדערש. איך וועל קלייבען אונטערשריפטען. אך, האָסט דוא בעקאנט זיך נעכטען מיט מיין גוטען־פריינד לעווין ? — האָט א פרעג געטאָהן אָבלאנסקי.

— וויא דען ? אָבער ער איז באלד אוועקגעפאָהרען.

— ער איז א וואוילער יונג, ניט אמת ?

— איך וויים ניט — האָט געענטפערט ווראנסקי — פארוואָס איז דאָס עפּעס אין אלע מאָסקווער. פערשטעהט זיך מיט אויסנאַהם פון דיא מיט וועמען איך רייד, אין אלע מאָסקווער עפּעס שניידענדעס, שטעכיגעס. עפּעס שטעלען זיי זיך אלע דיבאָם, ווערן בייז, אזוי וויא זיי וואָלטען שטענדיג עפּעס וועלען לאָזען דעם צווייטען פיהלען...

— אמת, אין זיי איז עפּעס פאראן אזעלכעס... — האָט לאכענדיג פרעהליך געענטפערט סטעפּאן ארקאדיעוויטש.

— וואָס ? באלד ? — האָט ווראנסקי זיך א ווענד געטאָהן צו אן אייזענבאהן בעאַמטען.

— דער צוג איז שוין ארויס — האָט געענטפערט דער אייזענבאהן־דינער.

דיא דערנעהענטערונג פון צוג האָט זיך אלץ מעהר און מעהר געוויזען אין דער בעוועגונג פון פּארבערייטונגען, וועלכע זיינען פּאָרגעקומען אויף'ן סטאנציע, פון דיא ארומלויפענעס פון דיא ארטעלשטשיקעס, פון דער ערשיינונג פון זשאַנדארען און דינער און פון דעם צופאָהרען פון אלץ מעהר מענשען צו באַגעגענען וועמען. עס האָט זיך געהערט דער פייף פון דעם לאָקאָמאָטיוו אויף דיא ווייטע רעלסען און דאָס טראָגען זיך פון עפּעס זעהר שווערעס.

— ניין — האָט געזאָגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש, וועמען עס האָט זיך זעהר געוואָלט דערצעהלען ווראנסקין וועגען לעווינס אבזיכטען אין בעצוג צו קיטי — ניין, דוא האָסט ניט ריכטיג אבגעשעצט לעווינען. ער איז זעהר א נער־וועזער מענש און ער איז מאנכעס מאָל אונאנגענעהם. אמת, אָבער דערפאר איז ער אָפט זעהר ליעבליך. דאָס איז אזא עהרליכע, וואַהרהייטליכע נאטור, און א גאָלדענעס הארץ. נור נעכטען זיינען געווען בעזונדערע אורזאכען, יא בעזונדערע אורזאכען, איבער וועלכע ער האָט געקאָנט זיין ענטוועדער זעהר גליקליך אָדער זעהר אונגליקליך.

ווראָנסקי האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט א פרעג געטאָהן גלייך:

— דאָס הייסט וואָס ? אָדער ער האָט נעכטען אפשר געמאכט אן ערקלעהרונג דיין שוועגערין ?....

— עס קאָן זיין — האָט געזאָגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש — עפּעס אזעלכעס האָט מיר נעכטען אויסגעוויזען. יא, אויב ער איז פריה אוועק פון דאָרט און איז נאָך געווען שלעכט אויפגעלייגט, איז דאָס געוויס אזוי... שוין אזוי לאנג וויא ער איז פערליעבט, איך האָב מיט איהם זעהר מיטלייד.

— אזוי גאָר !... איבעריגענס, דיינק איך אז זיא קאָן ערווארטען א בעסערע פּארטיי — האָט געזאָגט ווראנסקי און, אויסגלייכענדיג זיין ברוסט, האָט ער אָנגעהויבען ארומצוגעהן — איבעריגענס, קאָן איך איהם ניט... יא, דאָס איז א שווערע לאגע ! איבער דעם קלייבען פיעלע בעסער אוים צו האָבען צו טאָהן

מיט קלארא׳ס. דארט אז עס געהט ניט, ווייזט דאס בלויז אז דו האסט ניט גענוג געלד, און דא — דיין גאנצע ווירדע איז דא אויפ׳ן וואגשאל. אבער אט איז שוין דער צוג.

ווירקליך, פון וויטען האט שוין געפייפט דער לאקאמאטיוו. אין איי־ניגע מינוטען ארום האט שוין דיא פלאטפארמע אנגעהויבען צו טרויסלען זיך און בלאזענדיג מיט דאמפף, וועלכער איז אראבגעשלאגען געווארען ארונטער פון פראסט, האט זיך דורכגעטראגען דער לאקאמאטיוו, און אהינטער איהם אלץ לאנגזאמער און מעהר טרויסלענדיג דיא פלאטפארמע איז אונטערגעקומען דער וואגאן מיט באגאזש און מיט א הונד, וואס האט סקאוויטשעט; ענדליך א ציטער טאהנ׳דיג פאר׳ן אבשטעלען זיך זיינען אונטערגעקומען דיא פאסאזשיר־וואגאנעס. דער פלינקער קאנדוקטאר, געבענדיג א פייף־סיגנאל אין מיטען געהן, איז אראב־געשפרונגען, און באלד נאך איהם האבען אנגעהויבען אראב איינציגווייז די אונגע־דולדיגע פאסאזשירען: א גארדעי־אפיצער, האלטענדיג זיך גראד און ארומקוק־קענדיג זיך שטריינג; א באוועגליכער סוחר׳ל מיט א רייזע־טאש, פרעהלאך שמייכ־לענדיג; א פויער מיט א זאק איבערן פלייצע.

ווראנסקי איז געשטאנען צוזאמען מיט אבלאנסקין, האט בעקוקט דיא וואגאנעס און דיא ארויסקומענדע און האט אין גאנצען פארגעסען וועגען דער מוטער. דאס, וואס ער האט נור־וואס דערוואוסט זיך וועגען קיטי׳ן, האט איהם גערייצט און געפרעהט. זיין ברוסט האט זיך ניט וועלענדיג אויסגעגלייכט און דיא אויגען האבען געגלאנצט. ער האט זיך געפיהלט אלס זיעגער.

— דיא גרעפין ווראנסקאיא איז אין דער דאזיגער אבטהיילונג — האט געזאגט דער יונגער קאנדוקטאר, אונטערגעהענדיג צו ווראנסקין.

דעם קאנדוקטארס ווערטער האבען איהם אויפגעוועקט און דערמאנט איהם וועגען דער מוטער און אז ער דארף זיך מיט איהר גלייך טרעפען. אין האר־צען האט ער ניט רעספעקטירט זיין מוטער, און אליין ניט וויסענדיג פאר וואס, האט ער זיא אויך ניט געליעבט, אבוואהל לויט דיא בעגריפען פון דעם קרייז, אין וועלכען ער האט געלעבט, און לויט זיין ערציהונג, האט ער זיך ניט געקאנט פאר־שטעלען קיין אנדערע בעציהונגען צו דער מוטער, וויא אין העכסטען גראד גע־הארכזאמע און העפליכע, און וואס וויינינגער ער האט זיא רעספעקטירט און גע־ליעבט, אלץ געהארכזאמער און העפליכער דיא בעציהונגען.

## 18.

ווראנסקי איז אוועק נאך דעם קאנדוקטאר צום וואגאן און אריינגעהענדיג אין דער אבטהיילונג צו זיין מוטער, האט ער זיך אבגעשטעלט אום צו לאזען א וועג פאר אן ארויסגעהענדער דאמע.

מיט דעם געוועהנטען טאקט פון א וועלטליכען מענשען, האט פון דעם

ערשטען בליק אויף דעם אויסערליכען אויסזעהען פון דער דאַמע ווראנסקי בעשטימט, אַז זיא בעלאַנגט צו דער העכערער געזעלשאַפט. ער האָט זיך ענטשולדיגט און האָט אָנגעהויבען אַריינגעהן אין וואַגאָן, ער האָט אָבער דערפיהלט דיא נויטווענדיגקייט נאָך אַמאָל אַ קוק צו טאָהן אויף איהר, ניט דערפאַר ווייל זיא איז געווען זעהר שעהן, ניט מחמת דער געשמאַקפולקייט און בעשיידענעם חן, וועלכע האָבען זיך געזעהען אין איהר גאַנצער פיגור, נור מחמת דעם וואָס אין דעם אויסדרוק פון איהר ליעבליכען פנים איז געווען עפּעס ווייכעס, צערטליכעס און זאַנפטעס.

ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט זיא אויך אַ קעהר געטאָהן דעם קאָפּ. איהרע גלענצענדע גרויע אויגען, וועלכע האָבען אויסגעזעהען דונקעל פון דיא געדיכטע, שוואַרצע ברעמען, האָבען פריינדליך, אויפמערקזאַם אָבגעשטעלט זיך אויף זיין פנים, אַזוי וויא זיא וואָלט איהם דערקענט; זיי האָבען זיך אָבער באַלד איבערגעטראָגען אויף דיא פערבייגעהענדע, וויא זיי וואָלטען וועמען געזוכט. אין דעם דאָזיגען קורצען בליק האָט ווראנסקי בעוויזען צו בעמערקען אַ צוריקגעהאַלטענע לעבעדיגקייט, וועלכע האָט געשפּיעלט אויף איהר געזיכט און האָט געשוועבט צווישען דיא גלאַנצענדע אויגען און דעם קוים בעמערקבאַרען שמייכעל, וועלכער האָט גערונדעט איהרע רויטע ליפּען. אַזוי וויא אַן איבערפלוס פון עפּעס וואָלט איבערפילט איהר גאַנצען קערפּער, וואָס האָט גאָר אָהן איהר ווילען אויסגעדריקט זיך אין דעם גלאַנץ פון איהר בליק און אין דעם שמייכעל. זיא האָט מיט אַ כיון פערלאָשען דיא ליכטיגקייט פון איהרע אויגען, אָבער דאָס האָט דורכגעלויכטען זיך אין איהר קוים בעמערקבאַרען שמייכעל געגען איהר אייגענעם ווילען.

ווראנסקי איז אַריינגעגאַנגען אין וואַגאָן. זיין מוטער, אַ טרוקענע אַלטעטשקע מיט שוואַרצע אויגען, האָט געקנייטשט דעם פנים איינקוקענדיג זיך אין זוהן און האָט אַביסעל געשמייכעלט מיט איהרע דינע ליפּען. זיא האָט איהם דערלאַנגט איהר קליינע דאַרע האַנד, איבער וועלכער ער האָט זיך אָנגעבויגען אַ קוש טאָהן, און אויפהויבענדיג זיין קאָפּ פון האַנד האָט זיא איהם אַ קוש געטאָהן אין פנים.

— האָסט דוא ערהאַלטען דיא טעלעגראַמע? געזונד? דאַנקען גאָט.

— זייט איהר אַנגענעהם דערפאָהרען? — האָט געזאָגט דער זוהן, צוזעצענדיג זיך לעבען איהר און אונוויליג הערענדיג אַ פרויען־שטימע פון הינטערן טיהרעל. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען דיא שטימע פון יענער דאַמע ביים אַריינגאַנג.

— איך בין פון דעסטוועגען מיט אייך ניט איינפערשטאַנדען — האָט געזאָגט דיא דאַמען־שטימע.

— פּעטערסבורגער אַנזיכטען, מאַדאַם.

— ניט פּעטערסבורגער, נור איינפאַך אַנזיכטען פון אַ פרוי — האָט זיא געענטפערט.

— נון, ערלויבט אַ קוש צו טאָהן אייער הענטעלע.

— אויף ווידערזעהען, איוואַן פּעטראָוויטש. און גיט געפעליגסט אַ קוק,

1

# אננא קארענינא

צו איז דאָ׳ מיין ברודער ניטאָ, און שיקט איהם צו מיר — האָט געזאָגט דיא דאַמע און איז צוגעגאַנגען צום טיהרעל.

— האָט איהר שוין געפונען אייער ברודער? — האָט א פרעג געטאָהן ווראָנסקי ווענדענדיג זיך צו דער דאַמע.

ווראָנסקי האָט זיך איצט דערמאָנט, אז דאָס איז קארענינא.

— אייער ברודער איז דאָ — האָט ער געזאָגט — ענטשולדיגט מיך, איך האָב אייך ניט דערקענט, אונזער בעקאַנטשאַפט איז געווען אזוי פערבייגעהענדיג, אז איהר געדיינקט מיך געוויס ניט.

— א, ניין! — האָט זיא געזאָגט — איך וואָלט אייך דערקענט, ווארום מיר האָבען מיט אייער מוטער, דוכט זיך, דאָס גאַנצע וועג גערעדט בלויז וועגען אייך — האָט זיא געזאָגט, ערלויבענדיג ענדליך איהר מונטערקייט אויסצודריקען זיך אין א שמייכעל — און מיין ברודער איז נאָך אַלץ ניטאָ.

— גיב איהם דאָך א רוף, אַליאָשא — האָט געזאָגט דיא אַלטע גרעפין.

ווראָנסקי איז ארויס אויף דער פּלאַטפאָרמע און האָט א געשריי געטאָהן:

— אָבלאָנסקי! דאָ!

אָבער קארענינא האָט ניט געוואַרט ביז דער ברודער איז צוגעגאַנגען און, דערזעהענדיג איהם, האָט זיא ענטשלאָסען מיט לייכטע טריט א לאָז געטאָהן זיך צו איהם, ארויסגעהענדיג פון וואַגאָן. יאון וויא נור דער ברודער איז צו איהר צוגעגאַנגען, האָט זיא מיט איין בעוועגונג, וועלכע האָט איבערראַשט ווראנסקי׳ן מיט דער ענטשלאָסענהייט און דער גראַציע פון דיזער בעוועגונג, ארומגעכאַפּט זיין האַלז מיט איהר לינקער האַנד, האָט איהם שנעל צוגעצויגען צו זיך און שטארק א קוש געטאָהן. ווראָנסקי האָט געקוקט אויף איהר און האָט געשמייכעלט, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס. אָבער דערמאָנענדיג זיך, אז דיא מוטער וואַרט אויף איהם, איז ער ווידער אריין אין וואַגאָן.

— ניט אמת, זיא איז זעהר ליעבליך? — האָט געזאָגט דיא גרעפין וועגען קארענינא — איהר מאַן האָט זיא דאָס אוועקגעזעצט לעבען מיר, און איך בין זעהר גערן געווען. דעם גאַנצען וועג האָבען מיר מיט איהר גערעדט. נו, און דוא, זאָגט מען... פּאַלשטענדיג פערליעבט. זעהר גוט, זעהר גוט, מיין פריינד.

— איך פארשטעה ניט אויף וואָס איהר דייטעט אָן, מאַמאַ — האָט גע־ענטפערט קאַלט דער זוהן — נו, וואָס, געהן מיר?

קארענינא איז ווידער אריין אין וואַגאָן אום צו נעהמען אבשיעד פון דער גרעפין.

— נו, אָט גרעפין, האָט איהר בעגעגענט אייער זוהן, און איך מיין ברו־דער — האָט זיא פרעהלאַך געזאָגט — און אַלע מיינע געשיכטעס האָבען זיך אויסגענומען, ווייטער איז שוין ניט געווען וואָס צו דערצעהלען.

— אָ, ניין, — האָט געזאָגט דיא גרעפין, אָננעהמענדיג איהר האַנד — איך וואָלט מיט אייך ארומגעפאָהרען דיא גאַנצע וועלט און וואָלט זיך ניט פיהלען אומ־מעטיג. איהר זייט איינע פון יענע ליעבליכע פרויען, מיט וועלכע עס איז אַנגע־נעהם אי צו ריידען, אי צו שווייגען. און וועגען אייער זוהן דיינקט ניט אזוי פיעל. מען קאָן דאָך ניט אויספיהרען ניט צו שיידען זיך אמאָל.

# אננא קארענינא

קארענינא איז געשטאנען אונבעוועגליך, האלטענדיג זיך זעהר גלייך און איהרע אויגען האבען געשמייכעלט.

— ביי אננא ארקאדיעוונא איז פאראן א אינגעלע — האט דיא גרעפין ערקלעהרט איהר זוהן — אכט יאהר אלט איז ער, דוכט זיך, און זיא האט זיך מיט איהם נאך קיין מאל ניט צושיידט, דערפאר מאטערט דאס איהר, וואס זיא איז פון איהם אוועקגעפאהרען.

— יא, מיר האבען דיא גאנצע צייט מיט דער גרעפין גערעדט, איך וועגען מיין זוהן, און זיא וועגען איהר זוהן — האט געזאגט קארענינא און ווידער האט א שמייכעל בעלויכטען איהר פנים, א צערטליכער שמייכעל, וועלכער האט זיך בעצויגען צו איהם.

— דאס איז אייך געווים געווארען איבערדריסיג — האט ער באלד גע־ענטפערט אונטערכאפענדיג אין פליהען דיא דאזיגע קאקעטישע פילקע, וועלכע זיא האט צו איהם אווארף געטאהן. נור זיא האט אפנים ניט געוואלט פארט־זעצען דעם געשפרעך אין דעם זעלבען טאן און האט זיך געווענדעט צו דער אל־טער גרעפין:

— איך דאנק אייך זעהר. איך האב גאר ניט בעמערקט וויא דער טאג איז נעכטען פערלאפען. אויפ׳ס ווידערזעהען, גרעפין.

— אדיע, מיין פריינדעלע — האט געענטפערט דיא גרעפין — לאזט מיך א קוס טאהן אייער שעהנינקען פנים׳על. איך זאג גאר איינפאך, וויא אן אלטינקע, זאג איך גלייך, אז איך האב אייך ליעב בעקומען.

וויא סקארבאווע אזא פראזע איז ניט געוועזן, פון דעסטוועגען האט קארע־נינא פון גאנצען הארצען געגלויבט און געפרעהט זיך דערפון. זיא איז רויט גע־ווארען, האט זיך לייכט אנגעבויגען, האט אונטערגעשטעלט איהר פנים פאר דער גרעפינס ליפען, האט זיך ווידער אויסגעגלייכט און מיט דעמזעלביגען שמייכעל דערלאנגט ווראנסקין דיא האנד. ער האט א דריק געטאהן דיא קליינע האנד און האט זיך דערפרעהט עפעס בעזאנדערס, מיט איהר ענערגישען האנד דרוק, מיט וועלכען זיא האט ענערגיש און דרייסט געטרויסעלט זיין האנד. זיא איז ארויסגעגאנגען מיט א שנעלען גאנג, וועלכער האט אזוי זאנדערבאר לייכט גע־טראגען איהר היבש פולען קערפער.

— זעהר א ליעבליכע, — האט געזאגט דיא אלטינקע.

דאסזעלביגע האט געמיינט איהר זוהן. ער האט זיא בעגלייט מיט דיא אויגען ביז וואנען עס האט זיך מעהר ניט געזעהען איהר גראציעזע פיגור און א שמייכעל איז געבליעבען אויף זיין פנים. אין פענסטער האט ער געזעהען וויא זיא איז צוגעגאנגען צו איהר ברודער, האט ארויפגעלייגט איהר האנד אויף זיינע און האט עפעס שנעל און לעבעדיג אנגעהויבען ריידען צו איהם, קענטיג וועגען עפעס וואס האט מיט איהם, מיט ווראנסקי, קיין שייכות ניט, און איהם איז דאס עפעס געוועזן פארדרוסליך.

— נו, וואס, מאמא, זייט איהר פאלשטענדיג געזונד? — האט ער ווי־דערהאלט וועלנדענדיג זיך צו דער מוטער.

— אלעס איז גוט, פראכטפאל. אלעקסאנדער איז געוועזן זעהר ליעבליך.

און מאריע איז געוואָרען זעהר שעהן. זיא איז זעהר אינטערעסאַנט.

און זיא האָט ווידער אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען דעם וואָס האָט איהר מעהר פון אַלעס אינטערעסירט: וועגען איהר איינינקעל'ס טויפע, צוליעב וואָס זיא איז געפאָהרען קיין פּעטערסבורג, און וועגען דער בעזונדער גנעדיגקייט פון דעם קיסר צום עלטערן זוהן.

— אָט איז לאַווערענטי — האָט געזאָגט ווראָנסקי, קוקענדיג אין פענסטער — איצט לאָמיר געהן, אויב איהר ווינשט.

דער אַלטער לאַקיי, לאַווערענטי, וועלכער איז געפאָהרען מיט דער גרעפין, איז אריינגעקומען אין וואַגאָן מעלדען, אַז אַלעס איז פאַרטיג און דיא גרעפין האָט זיך אויפגעהויבען צו געהן.

— קומט, איצט זיינען ווייניגער מענשען — האָט געזאָגט ווראָנסקי.

דיא דיענסט־מיידעל האָט גענומען דעם סאַקוואַיאַזש און דעם הינטעל; דער לאַקיי און דער אַרטעלשטשיק דיא איבריגע פעקלעך. ווראָנסקי האָט גענומען געאָרעמט דיא מוטער. נור ווען זיי זיינען שוין ארויסגעגאַנגען פון וואַגאָן, זיי־נען פלוצלונג איינינע מענשען מיט צושראָקענע פּנים'ער פערביי־געלאָפען. נאָך זיי איז געלאָפען אויך דער נאַטשאַלניק פון סטאַנציע אין זיין היטעל פון אונ־געוועהנליכען קאָליר. קענטיג אַז עפּעס אויסער געוועהנליכעס האָט פּאַסירט. מענ־שען זיינען פון צוג געלאָפען צוריק.

— וואָס?... ווער?... וואו?... וואָס?... האָט זיך אַ וואָרף געטאָהן!... צוקוועטשט!... דער'הרג'ט!... האָבען זיך געהערט ווערטער צווישען דיא פער־ביילויפענדע.

סטעפאַן ארקאַדיעוויטש געאָרעמט מיט זיין שוועסטער האָבען זיך אויך אומגעקעהרט מיט צושראָקענע פּנים'ער און האָבען זיך אָבגעשטעלט. דיא דאַמען זיינען אריין צוריק אין וואַגאָן און ווראָנסקי מיט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש זיינען געלאָפען נאָך דיא איבעריגע אויסצוגעפינען דיא איינצעלהייטען פון דעם אונ־גליק.

אַ וועכטער, וועגען וועלכען מען האָט ניט געוואוסט צו איז ער געוועז שיכור אָדער איבער דעם וואָס ער איז געווען שווער אָנגעפּעלצט איבער'ן גרויסען פראָסט, האָט ניט געהערט וויא דער לאָקאָמאָטיוו געהט אויף צוריק און איז אי־בערגעפאָהרען געוואָרען אויף טויט.

דיא דאַמען האָבען זיך שוין דערוואוסט וועגען דעם פון דעם לאַקיי נאָך איידער ווראנסקי און אָבלאָנסקי האָבען זיך צוריקגעקעהרט. אָבלאַנסקי און ווראָנסקי האָבען געזעהען דעם צוקאַליעטשעטען קערפּער. און אָבלאַנסקי האָט קענטיג געליטען. ער האָט זיך געקנייטשט און עס האָט אויסגעזעהן, אַז אָט־אָט וועט ער זיך צוואַויינען.

— אַך, וואָס פאַר אַ שרעק! אַך, אננאַ, ווען דוא וואָלסט זעהען! אַך, וויא שרעקליך! — האָט ער גע'טענה'ט.

ווראָנסקי האָט געשוויגען, און זיין שעהנער פּנים איז געווען ערענסט, אָבער פאָלשטענדיג רוהיג.

— אַך, ווען איהר וואָלט זעהען, גרעפין, — האָט אַלץ גערעדט סטעפּאַן

# אננא קארענינא

ארקאדיעוויטש — און זיין פרוי איז דא אויך דערביי... שרעקליך א קוק צו טאהן אויף איהר... זיא האט זיך א ווארף געטאהן אויפ'ן קערפער. מען זאגט, אז ער אליין איז געווען דער ערנעהרער פון א גרויסער פאמיליע. וויא שרעקליך דאס איז!

— קאן מען עפעס ניט טאהן פון איהר'ט וועגען? — האט מיט א גע־ויהרטען מורמעל געזאגט קארענינא.

וורָאנסקי האט אויף איהר א קוק געטאהן און איז גלייך ארויס פון וואגאן.

— איך וועל גלייך קומען, מאמא — האט ער געזאגט א קעהר טאהנ'דיג זיך צו איהר אין טיהר.

ווען ער איז געקומען צוריק אין עטליכע מינוט ארום האט סטעפאן ארקא־דיעוויטש שוין געשמועסט מיט דער גרעפין וועגען עפעס א נייער זינגערין, און דיא גרעפין האט אלץ אונגעדולדיג געקוקט צום ארייננאנג, ווארטענדיג אויף דעם זוהן.

— איצט לאמיר געהן — האט געזאגט וורָאנסקי ארייננעהענדיג.

זיי זיינען צוזאמען ארויס. וורָאנסקי איז געגאנגען מיט דער מוטער פאר־אויס, און נאך זיי קארענינא מיט איהר ברודער. ביים ארויסגאנג איז צו וורָאנס־קין צוגעגאנגען דער נאטשאלניק סטאנציע, וועלכער האט איהם דעריאגט.

— איהר האט דערלאנגט מיין געהילפע צוויי הונדערט רובעל. ווילט איהר זיך בעמיהען בעצייכענען פיר וועמען איהר האט בעשטימט דאס געלד?

— פאר דער אלמנה — האט געזאגט וורָאנסקי קוועטשענדיג מיט דיא אקסלען — איך פערשטעה ניט צו וואס דאס איבערפרעגען.

— איהר האט דאס געגעבען? — האט א געשריי געטאהן הינטער איהם אבלאנסקי, און דריקענדיג זיין שוועסטער'ס האנד, האט ער צוגעלייגט: — אט דאס איז ליעב, זעהר ליעב, זעהר שעהן! ניט אמת, ער איז א וואוילער יונג.

און ער האט זיך מיט דער שוועסטער אבגעשטעלט, זוכענדיג איהר דינסט־מיידעל. וורָאנסקי'ס קארעטע איז שוין אבגעפאהרען. מענשען האבען נאך אלץ געהאלטען אין ריידען וועגען דאס וואס האט פאסירט.

— אט איז א שרעקליכער טויט! — האט געזאגט איין הערר פערביי־געהענדיג — מען זאגט אויף צוויי שטיקער צושניטען.

— איך רעכען פארקעהרט, אז דאס איז דער גרינגסטער טויט, דער שנעל־סטער — האט באמערקט אן אנדערער.

— וויא ווערן דאס ניט פארגענומען קיין פארזיכטס־מיטלען — האט געזאגט א דריטער.

קארענינא האט זיך ארייננעזעצט אין קארעטע, און סטעפאן ארקאדיע־וויטש האט צו זיין פערוואונדערונג דערזעהן, אז איהרע ליפען ציטערען און קוים וואס זיא קאן צוריקהאלטען איהרע טרעהרען.

— וואס איז מיט דיר, אננא? — האט ער געפרעגט ווען זיי זיינען אבגעפאהרען עטליכע הונדערט קלאפטער.

— אשלעכטער סימן — האט זיא געזאגט.

— וואס פאר נארישקייטען — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש —

דוא ביסט געקומען צופאהרען. דאס איז דיא הויפט זאך. דוא קאנסט זיך ניט פארשטעלען, וויא איך האף אויף דיר.

— און דוא קענסט שוין לאנג ווראנסקין ? — האט זיא א פרעג געטאהן

— יא, דוא ווייסט, מיר האפען אז ער וועט חתונה האבען מיט קיטי.

— יא ? — האט שטיל געזאגט אננא — נו, לאמיר איצט ריידען וועגען דיינע אנגעלעגענהייטען.

זיא האט א טרויסעל געטאהן מיט'ן קאפ, אזוי וויא זיא וואלט וועלען פיזיש אראבווארפען עפעס אן איבעריגע זאך וואס האט איהר געשטערט.

— לאמיר ריידען וועגען דיינע אנגעלעגענהייטען. איך האב ערהאלטען דיין בריעף און אט בין איך געקומען צופאהרען.

— יא, דיא גאנצע האפנונג איז אויף דיר — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— נו, דערצעהל מיר אלעס.

און סטעפאן ארקאדיעוויטש האט אנגעהויבען דערצעהלען.

קומענדיג צום הויז, האט אבלאנסקי ארויסגעזעצט דיא שוועסטער פון קארעטע, האט זיך אבגעזיפצט, האט א דריק געטאהן איהר האנד און איז אוועקגעפאהרען אין זיין קאנצעלאריע.

19.

ווען אננא איז אריינגעקומען אין הויז, איז דאללי געזעסען מיט איהר וויים־קעפיגען פולינקען אינגעלע, וועלכער איז געווען שוין עהנליך צום פאטער, און האט אויסגעהערט זיין לעקציאן פון פראנצויזיש. דער אינגעל האט געזעסען דרעהענדיג מיט'ן הענטעל דעם קנעפעל פון זיין זשאקעטעל, וועלכער האט זיך קוים געהאלטען. דיא מוטער האט עטליכע מאהל צוגענומען זיין הענטעל, אבער דיא ווייכע הענטעל האט זיך אלץ ווידער גענומען פאר'ן קנעפעל. דיא מוטער האט אבגעריסען דעם קנעפעל און אריינגעלייגט אין קעשענע.

— בערוהיג דיין האנד, גרישא — האט זיא געזאגט און האט זיך ווידער גענומען אויסשטריקען א דעקע, אן אלטע ארבייט פאר וועלכער זיא פלעגט זיך אימער נעהמען אין שווערע מינוטען פון לעבען. הגם זיא האט נעכטען אנגעזאגט דעם מאן, אז איהר קימערט ניט, אויב זיין שוועסטער וועט קומען אדער ניט, פון דעסטוועגען האט זיא אלעס פארטיג געמאכט פיר איהר אנקונפט, און האט מיט אונגעדולד ערווארט דיא שוועגערין.

דאללי איז געווען נידערשלאגען פון איהרע יסורים, אין גאנצען פערשלונגען פון זיי. זיא האט פון דעסטוועגען ניט פארגעסען, אז איהר שוועגערין איז דיא פרוי פון איינעם פון דיא אנגעזעהענסטע פערזאנען אין פעטערסבורג און אז זיא אליין איז א פעטערסבורגער גראן־דאם. און צו פערדאנקען דעם דאזיגען

אומשטאנד האָט זיא ניט פערגעסען אז דיא שוועגערין דארף קומען צופאָהרען.
„און ענדליך, אננא איז דאָך אין קיין זאך ניט שולדיג — האָט דאללי געטראכט—
איך וויים וועגען איהר קיין זאך ניט, אויסער גוטעס, און צו מיר איז זיא אימער
געווען ליעבליך און פריינדליך.“

אמת אויף וויפיעל זיא האָט געקענט געדיינקען דעם איינדרוק, וואָס האָט
אויף איהר געמאכט, ווען זיא איז געוועזן אין פעטערסבורג אין קארענינס הויז,
איז איהר דיא פיהרונג אין זייער הויז ניט געפעלען געוועזן: עפּעס איז געווען
פאַלשעס אין'ם גאנצען שניט פון זייער פאמיליען־לעבען. „אָבער פאר וואָס־זשע
זאָל איך זיא ניט אויפנעהמען? איהר זאָל נור ניט קומען אויפ'ן זינען מיך צו
טרויסטען“ — האָט דאללי געטראכט, „אַלע די טרויסטענעס און איינריידענעס
און קריסטליכע פערצייהונג, דאָס אַלעס האָב איך טויזענד מאָהל איבערגעטראכט,
און דאָס טויג אַלעס ניט.“

אין דיא עטליכע טעג איז גאנצע טעג דאללי געווען אַליין אין הויז מיט
דיא קינדער. ריידען וועגען איהרע יסורים האָט זיא ניט געוואָלט, און האָ־
בענדיג אויף איהר הארצען דיא דאָזיגע ווייטאָגען האָט זיא וועגען קיין אנדער
זאך אויך ניט געקאָנט ריידען. זיא האָט געוואוסט אז זיא וועט אזוי אָדער אנ־
דערש, נור זיא וועט אויסריידען איהר הארץ פאר אננא'ן, און דער געדאנק האָט
זיא ווייל־ווייז געפרעהט, זיא וועט אויסזאָגען אַלעס וואָס האָט זיך ביי איהר
אויפ'ן הארצען אָנגעקליבען, און ווייל־ווייז האָט דאָס זיא געערגערט, וואָס זיא
וועט דארפען ריידען מיט איהר, מיט זיין שוועסטער וועגען איהר ערניעדריגונג
און הערען פון איהר פארטיגע פראזען, טרויסט ווערטער און איינריידענעס.

וויא עס פאסירט אָפט, האָט זיא, ווארטענדיג אויף אננא'ן יעדער מינוט,
דאָך פערנאכלעסיגט דיא מינוט ווען דער גאסט איז געקומען צופאָהרען און האָט
ניט געהערט דעם קלונג פון גלעקעל. דערהערענדיג דעם רויש פון א קלייד און
לייכטע טריט שוין ביים סאמע טהיר פון איהר צימער, האָט זיא זיך אומגעקוקט,
און אויף איהר אויסגעמאטערטען פּנים האָט זיך אונווילליג אויסגעדריקט ניט קיין
פרייד, נור איבערראשונג. זיא איז אויפגעשטאנען און האָט אומארעמט דיא
שוועגערין.

— וויא, דוא ביסט שוין געקומען צופאָהרען? — האָט זיא געזאָגט קו־
סענדיג זיא.

— דאללי, וויא בין איך גערן דיך צו זעהען!

— איך בין אויך גערן — האָט זיא געענטפערט מיט א שוואכען שמיי־
כעל און זוכענדיג פון אויסדרוק פון אננא'ס פּנים דערקענען, צו וויים זיא.
„מסתמא וויים זיא,“ האָט זיא א טראכט געטאָהן, זעהענדיג דעם אויסדרוק פון
מיטלייד אויף אננא'ס פּנים — נו לאָמיר געהן, איך וועל דיר ווייזען דיין צימער.

— איז דאָס גרישא? מיין גאָט, וויא ער איז אויסגעוואקסען! — האָט
געזאָגט אננא, און א קוש טאָהנדיג דעם אינגעלע האָט זיא ניט אראָפּגענומען
דיא אויגען פון דאלי. האָט זיך אָבגעשטעלט און איז רויט געוואָרען — ניין, ער־
לויב מיר צו בלייבען דאָ נאך א ווייל.

זיא האָט אראָפּגענומען דיא טוך, דיא הוט און פערטשעפּענדיג זיא אָן

# אננא קארענינא

א שטרייף פון איהרע שווארצע, אומעטום גרייזעלדיגע האאר, האט זיא א טריי־סעל געטאהן מיט'ן קאפ אבטשעפענדיג דיא האאר.

— און דו שיינסט מיט גליק און געזונד! — האט געזאגט דאללי כמעט מיט בענײדונג.

— איך?... יא — האט געזאגט אננא — מיין גאט, טאניא! אין איינע יאהרען איז זיא דאך מיט מיין סעריאזשא'ן. און זיא האט א נעהם געטאהן דיא מיידעלע אויף דיא הענד און אנגעקוסט — א וואוילינקע מיידעלע, א פראכט! ווייז זיי מיר אלע.

זיא האט דיא קינדער אנגערופען מיט דיא נעמען און האט געדיינקט יעדען קינד'ס יאהרען און מאנאטען, זייערע כאראקטערען, דיא קראנקהייטען, פון וועלכע זיי האבען ווען געליטען. און דאללי האט ניט געקאנט גענוג אבשעצען דאס.

— נו, טא לאמיר געהן צו זיי — האט זיא געזאגט — וואסיא שלאפט איצט, שאדע.

בעקוקענדיג דיא קינדער, האבען זיי זיך געזעצט, שוין אליין, און מען האט זיי דערלאנגט קאפעע. אננא האט אנגענומען דעם טאץ און האט איהם אבגערוקט:

—דאלי — האט זיא געזאגט — ער האט מיר געזאגט.

דאלי האט זיא קאלט אנגעקוקט. זיא האט געווארט אויף דיא פארטיגע כלומרשט מיטליידיגע פראזען. אבער קיינס אזעלכעס האט אננא ניט געזאגט.

— דאללי, ליעבינקע! — האט זיא געזאגט — איך וויל ניט ריידען פון זיינטוועגען, וויל ניט טרויסטען. דאס קאן מען ניט. אבער, האַרץ מיינס, מיר איז פשוט פערדריסליך, מיך פערדריסט פאר דיר פון גאנצען הארצען!

פון אונטער דיא געדיכטע ברעמען פון איהרע גלענצענדע אויגען האבען זיך פלוצלונג בעוויזען טרעהרען. זיא האט זיך צוגעזעצט נעהענטער צו דער שוועגערין און האט אנגענומען איהר האנד מיט איהר קליינער ענערגישער האנד. דאללי האט זיך ניט אבגעצויגען, נאר איהר געזיכט האט געביטען דעם טרוקענעם אויסדרוק.

— טרויסטען מיך איז אונמעגליך. אלעס איז פערלארען נאך דעם וואס ס'האט פאסירט, אלעס פערפאלען!

אננא האט אויפגעהויבען דאללים טרוקענע, מאגערע האנד, האט זיא א קוש געטאהן און געזאגט:

— אבער, דאללי, וואס־זשע קאן מען מאכען, וואס־זשע קאן מען טאהן? וויא איז דאס בעסטע צו בעגעהן זיך אין אזא שרעקליכער לאגע? אט וואס מען דארף בעטראכטען.

— אלעס האט זיך געענדיגט, און ווייטער גאר נישט — האט געזאגט דאללי — און ערגער פון אלעס איז, דו פערשטעה מיך, ערגער פון אלעס איז, וואס איך קאן איהם ניט אוועקווארפען: דיא קינדער, איך בין געבונדען. און מיט איהם לעבען קאן איך ניט; פאר מיר איז אן אבקומעניש אנצוקוקען איהם.

# אננא קאַרענינא

— דאָלי, ליעבינקע, ער האָט מיר דערצעהלט, אָבער פון דיר וויל איך הערען. דערצעהל דו מיר אַלעס.

דאָלי האָט אויף איהר פראַגליך אַ קוק געטאָהן.

אמת'ע ליעבע און מיטגעפיהל זיינען געווען אויף אננא'ס פּנים.

— גוט — האָט דאָלי געזאָגט — אָבער איך וויל דיר פריהער פון אַלעס זאָגען. דו ווייכט וויא איך האָב חתונה געהאַט. לויט מאַמאַס ערציהונג בין איך ניט בלויז געווען אונשולדיג, נאָר בין געווען טאַקע נאַריש. איך האָב קיין זאַך ניט געוואוסט. איך וויים, מען זאָגט, אַז מענער דערצעהלען זייערע פרויען וועגען זייער פריהערדיגען לעבען, אָבער סטיוואַ... — זיא האָט זיך באַלד פערריכט — אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט מיר גאָר נישט געזאָגט. דו וועסט ניט גלויבען, אָבער איך האָב דאָך ביז איצט נאָך געגלויבט אַז איך בין דיא איינציגע פרויענצימער, וועלכע ער האָט געקענט. אַזוי האָב איך געלעבט אַכט יאָהר. פאַרשטעהע דאָך, אַז איך האָב ניט בלויז ניט ערוואַרט קיין אונטריהייט, נאָר איך האָב זאָגאַר ניט פערדעכטיגט, אַז דאָס זאָל גאָר מעגליך זיין; היינט שטעל זיך פאָר, אַז דאָ דערוויס איך זיך דיא גאַנצע אבשייליכקייט, דיא גאַנצע שווערליכקייט... פאַרשטעהע מיך, זיין אַזוי זיכער אין מיין גליק, און פּלוצלונג...

— האָט פאָרטגעזעצט דאָלי, איינהאַלטענדיג איהרע שלוכצען — און פּלוצלונג... ערהאַלטען אַ בריעף... אַ בריעף פון איהם צו זיין ליובאָוניצע, צו מיין גאָוורנאַנטין. ניין, דאָס איז שוין צו שרעקליך!

זיא האָט שנעל אַרויסגענומען איהר טאַשענטיכעל און האָט פאַרדעקט איהר פּנים:

— איך קאָן נאָך פאַרשטעהן, מען זאָל ווערען הינגעצויגען — האָט זיא פאָרטגעזעצט נאָך אַ ווייל שווייגען — אָבער געפּלאַנטערהייט, כיטרע מיך אָבצונאַרען... און מיט וועמען? ... צו זיין אַלץ מיין מאַן און צוזאַמען מיט איהר... דאָס איז שרעקליך! דו קאָנסט דאָס ניט פאַרשטעהן...

— אָ, ניין, איך פאַרשטעה! איך פאַרשטעה, ליעבע דאָלי — האָט געזאָגט אננא, דריקענדיג איהר האַנד.

— און דו מיינסט, אַז ער פאַרשטעהט דיא גאַנצע שרעקליכקייט פון מיין לאַגע? — האָט פאָרטגעזעצט דאָלי — עס הויבט זיך ניט אָן! ער איז גליקליך און צופריעדען.

— אָ, ניין — האָט איהר שנעל איבערגעשלאָגען אננא — ער איז צובראָכען, ער איז דערשלאָגען פון חרטה און שמערץ...

— איז ער דען פעהיג גאָר חרטה צו האָבען? — האָט איבערגעשלאָגען דאָלי, אויפמערקזאַם אַריינקוקענדיג אין איהר שוועגערינס פּנים.

— יאָ. איך קען איהם. איך האָב ניט געקאָנט קוקען אויף איהם אָהן רחמנות. מיר קענען איהם דאָך ביידע. ער איז אַ גוט־הערציגער, אָבער ער איז שטאָלץ, און איצט איז ער ערנידעריגט. הויפּטזעכליך וואָס מיך האָט גערירט... (און דאָ האָט אננא געטראָפען דעם עיקר, וואָס עס האָט געקאָנט ריהרען דאָלין)... איהם מאַטערען צוויי זאַכען: דאָס, וואָס איהם איז אַ שאַנדע פאַר דיא קינדער, און דאָס, וואָס ליעבענדיג דיך... יאָ, יאָ, ליעבענדיג דיך מעהר פון אַלעס אויף

דער וועלט — האָט זיא שנעל איבערגעשלאָגען דאללין, וועלכע האָט געוואָלט ווידערשפּרעכען איהר — ליעבענדיג דיך אזוי, זאָל ער פּערצייהען דיר אזוי פיעל קריינקונג, אזוי פיעל פּערדרוס, דערשלאָגען דיך. „ניין, ניין, זיא וועט ניט פּערצייהען, זיא וועט ניט פּערצייהען“ — האלט ער אלץ אין איין ריידען...

— אָבער אויב אזא הינגעצוויגען ווערן וועט זיך ווידערהאָלען?

— דאָס איז אונמעגליך, אויף וויפיעל איך פאַרשטעה...

— יא. אָבער וואָלסט דו דען פּערצייהען.

— איך וויים ניט, איך קאָן ניט אורטהיילען...

— איך וויים ניט, איך קאָן ניט אורטהיילען... ניין, איך קאָן — האָט זיא געזאָגט נאָכדענקענדיג און כאפּענדיג אין איהרע געדאנקען דיא לאגע און אָבוועגענדיג אויף דיא אינערליכע שאהלען, האָט זיא צוגעלייגט: — ניין, איך קאָן, איך קאָן, איך קאָן. יא, איך וואָלט פּערצייהען. איך וואָלט שוין ניט געוועזען דיזעלביגע, יא, אָבער איך וואָלט פּעריצייהען, איך וואָלט אזוי פּערצייהען אזוי וויא עס וואָלט קיין זאך ניט געטראָפען, גאָר קיין זאך ניט געשעהען...

— נו, פאַרשטעהט זיך, — האָט שנעל איבערגעריסען איהרע רייד דאללי, אזוי וויא זיא וואָלט איהר געזאָגט דאָס, וואָס זיא אליין האָט שוין ניט איין מאָל געטראַכט — אז ניט וואָלט דאָך דאָס ניט געוועזען קיין פּערצייהונג. אויב פּערצייהען איז אין גאנצען, אין גאנצען. נו, לאָמיר געהן, איך וועל דיך בעגלייטען צו דיין צימער — האָט זיא געזאָגט אויפשטעהענדיג און האָט אויפ׳ן וועג אומארעמט אננא׳ן — ליעבסטע מיינע, וויא איך בין גערן וואָס דו ביסט געקומען צופאָהרען, מיר איז איצט גרינגער, פיעל גרינגער.

## 20.

דעם גאנצען טאָג האָט אננא פערבראַכט צו הויז, דאָס הייסט, ביי דיא אבלאנסקים און האָט קיינעם ניט אויפגענומען, ווארום אייניגע פון איהרע בעקאַנטע האָבען שוין בעוויזען אויסצוגעפינען, אז זיא איז געקומען צופאָהרען און האָבען זיך געמעלדעט אין דעמזעלביגען טאָג. אננא האָט דעם גאנצען אין־דער־פריה פערבראַכט מיט דאללי און מיט דיא קינדער. זיא האָט בלויז דעם ברודער צוגעשיקט א צעטעלע, אז ער זאָל ניט אנדערש וויא אין־דער־היים זיין צו מיטאָג־עסען. „קום צופאָהרען, גאָט איז אַן ערבאַרעמיגער“ — האָט זיא איהם געשריבען.

אבלאנסקי איז געוועזען צו מיטאג אין־דער־היים; מען האָט געמיינשאפטליך געשמועסט, און דיא פרוי האָט מיט איהם גערעדט, אָנרופענדיג איהם „דו“, וואָס זיא האָט פריהער ניט געטאָהן. אין דיא בעציהונגען פון מאן און פרוי איז געבליבען דיזעלביגע פרעמדקייט, אָבער וועגען שיידען זיך איז שוין קיין רעדע

ניט געווען. און סטעפאן ארקאדיעוויטש האט שוין געזעהען דיא מעגליכקייט פון אן ערקלעהרונג און שלום שליסונג.

באלד נאך מיטאג איז קיטי געקומען. זיא האט געקענט אננא ארקאדיעוונא, אבער זעהר ווייניג, און זיא איז געפאהרען צו איהר שוועסטער ניט אהן פחד פאר דער ערוואַרטונג, וויא זיא וועט אויפגענומען ווערען פון דער דאזיגער פעטערבורגער, וועלטליכער, גרויסארטיגער דאמא, וועלכע אלע האבען געלויבט. אבער זיא איז אננא'ן זעהר געפעלען געווארען — דאס האט זיא גלייך געזעהען. אננא האט קענטיג הנאה געהאט אנצוקוקען איהר יונגקייט און שעהנקייט, און איידער קיטטי האט נאך צייט געהאט צו באדיינקען, וויא זיא האט זיך שוין געפיהלט ניט נור אונטער איהר איינפלוס, נאר האט געפיהלט אזוי וויא זיא וואלט שוין געווען פערליעבט אין איהר, וויא עס זיינען פעהיג צו פערליעבען זיך יונגע מיידלאך אין פערהייראטע און עלטערע דאמען.

אננא האט גאר ניט אויסגעזעהען וויא א וועלטליכע דאמע אדער וויא א מוטער פון אן אכט־יעהריגען זוהן; זיא איז גיכער עהנליך געווען צו א צוואנציג יאהריגער מיידעל לויט דער פלינקייט און לעבעדיגקייט פון איהרע בעוועגונגען, לויט דער פרישקייט און מונטערקייט פון איהר פנים, וואס האט זיך דורכגעשלאגען אמאל אין א שמייכעל, אמאל אין איהר בליק און אמאל אין איהרע א בעוועגונג, אויב בלויז ניט איהר ערנסטער, און אפט ביינקשאפטליכער אויסדרוק פון איהרע אויגען, וואס האט איבערראשט קיטי און צוגעצויגען זיא צו איהר. קיטי האט געפיהלט, אז אננא האלט זיך איינפאך און זיא האט קיין זאך ניט פערהילט פון איהר. אבער אז אינווייניג אין איהר איז פאראן עפעס אן אנדערע, א העכערע וועלט, וועלכע איז ניט צוגענגליך פאר איהר, א וועלט פון אינטערעסען קאמפליצירטע און פאעטישע.

נאך מיטאג, ווען דאללי איז אוועק צו זיך אין צימער, האט אננא שנעל זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום ברודער, וועלכער האט פעררויכערט א סיגאר.

— סטיווא — האט זיא איהם געזאגט פרעהליך צואווינקענדיג איהם, איבערקרייצענדיג איהם און ווייזענדיג אויף דער טיהר מיט דיא אויגען — געה, זאל דיר גאט העלפען.

ער האט זיא פערשטאנען, האט אוועקגעווארפען זיין סיגאר און איז אריין אין טיהר.

ווען סטעפאן ארקאדיעוויטש איז ארויס, האט זיא זיך צוריק־געקעהרט צום דיוואן, אויף וועלכען זיא איז געזעסען ארומגערינגעלט פון דיא קינדער, וועלכע האבען זיך נאך פון פארמיטאג אן צוגעקלעפט צו דער נייער טאנטע און האבען פון איהר ניט אבגעטראטען. און צווישען זיי האט זיך געבילדעט עפעס א מין שפיעלעריי, וואס איז בעשטאנען אין דעם, אז זיי זאלען וואס נערנטער זיצען לעבען דער טאנטע, אנריהרען זיך אן איהר, האלטען איהר קליינע האנד, קוסען זיא, שפיעלען מיט איהר אין דריידעל אדער אנריהרען וויינינגסטענס דיא פאלדען פון איהר קלייד.

# אננא קארעגינא

— נו, נו, וויא זיינען מיר פריהער געזעסען, קינדער? — האָט געזאָגט אננא ארקאדיעוונא זעצענדיג זיך אויף איהר פריהערדיגען פּלאַץ.

און גרישא האָט ווידער אונטערגערוקט זיין קאָפּ אונטער איהר האנד און האָט זיך צוגעפּרעסט מיט'ן קאָפּ צו איהר קלייד, און האָט אָנגעהויבען צו שיינען, א שטאָלצער, א גליקליכער.

— און איצט ווען־זשע איז א באל? — האָט זיא זיך געווענדעט צו קיטי.

— קומענדע וואָך, און א גלעצענדער באל. איינער פון יענע בעלער, אויף וועלכען עס איז אימער פרעהלאך.

— זיינען פאראן אזעלכע, וואו עס איז אימער פרעהלאך — האָט מיט א צערטליכען שפּאָס געזאָגט אננא.

— זאָנדערבאר, אָבער פאראַן. ביי דיא באברישטשעווס איז אימער פרעה־לאך, ביי דיא ניקיטינס אויך, און ביי דיא מעזשקאווס איז שטענדיג אומעטיג. איהר האָט דען דאָס ניט באמערקט?

— ניין, מיין הארץ, פאר מיר זיינען שוין ניטאָ אזעלכע בעלער, וואו עס זאָל זיין פרעהלאך — האָט געזאָגט אננא, און קיטי האָט דערזעהען אין איהרע אויגען יענע בעזונדערע וועלט, וועלכע פאר איהר איז ניט געווען אָפען. — פאר מיר זיינען בלויז דאָ אזעלכע, וואו עס איז וויניגער לאַנגווייליג און שווער...

— וויא קאָן דאָס א י ך זיין לאַנגווייליג אויף א באל?

— פאר וואָס־זשע קאָן דאָס מ י ר ניט זיין לאַנגווייליג אויף א באל? — האָט א פרעג געטאָהן אננא.

קיטי האָט באמערקט, אז אננא האָט געוואוסט, וואָס פאר אַ'ענטפער עס וועט פאָלגען.

— דערפאר ווייל איהר זייט אלע מאָל שעהנער פון אלע.

אננא האָט געהאט דיא פעהיגקייט רויט צו ווערען. זיא איז רויט גע־וואָרען און האָט געזאָגט:

— ערשטענס, קיין מאָל ניט; און צווייטענס, ווען אפילו דאָס וואָלט אזוי געווען, צו וואָס איז דאָס מיר נויטהיג?

— וועט איהר פאָהרען אויף דעם באל? — האָט געפרעגט קיטי.

— איך רעכען, אז מען וועט ניט קאָנען ניט פאָהרען. נו, אט נעהם דאָס — האָט זיא געזאָגט צו טאניא, וועלכע האָט אראָבגעשלעפּט דעם רינגעלע פון איהר ווייסען און ביים ברעג דינעם פינגער.

— מיך וועט זעהר פרעהען, אויב איהר וועט פאָהרען. איך וואָלט אייך אזוי וועלען זעהען אויפ'ן באל.

— ווען עס וועט אויסקומען צו פאָהרען, וועל איך וויינינגסטענס זיך טרויסטען מיט דעם געדאנק, אז דאָס ברייננגט אייך פערגעניגען... גרישא, רייס ניט, זיי אזוי גוט, זיי זיינען אזוי אויך שרעקליך צוטראָמפּעלט — האָט זיא גע־זאָגט, פעררינכטענדיג א שטרייף ארויסגעשלאָגענע האָאר, מיט וועלכען גרישא האָט געשפּיעלט.

— איך שטעל זיך פאָר אייך אויפ'ן באל אָנגעטאָהן אין א לילענע קלייד.

— פאר וואָס עפּעס דוקא אין לילענע? — האָט שמייכלענדיג געפרעגט

# אננא קארענינא

אננא — נו, קינדער, געהט, געהט. איהר הערט? מיסס הול רופט אייך טהעע טרינקען — האט זיא געזאגט אכרייסענדיג פון זיך דיא קינדער און שיקענדיג זיי אין עסס־צימער.

— און איך ווייס, פאר וואס איהר רופט מיך אויפ'ן באל. איהר ערוואַרט זעהר פיעל פון דעם דאזיגען באל, און אייך ווילט זיך אז אלע זאלען דא זיין, אלע זאלען נעהמען אנטהייל.

— וויא אזוי ווייסט איהר דאס? יא.

— א, וויא גוט איז אייער צייט — האט פארטגעזעצט אננא — איך געדיינק דעם דאזיגען בלויען טומאן, אזוי וויא דער, וואס איז אויף דיא בערג אין דער שווייץ. דער דאזיגער טומאן, וועלכער פערהילט אלעס אין יענער גוטער, ליעבליכער צייט, ווען אט־אט וועלען זיך ענדיגען דיא קינדער־יאהרען, און פון דיעזען אונגעהייער גרויסען קרייז, פון דעם גליקליכען, פרעהליכען קרייז ווערט דער וועג אלץ שמעלער און שמעלער, און עס איז אימה'דיג אריינצוגעהן אין דער דאזיגער אנפילאדא, אבוואהל זיא דוכט זיך צו זיין אי ליכטיג, אי שעהן... ווער איז דאס דאזיגע ניט דורכגעגאנגען?

קיטי האט שווייגענדיג א שמייכעל געטאהן. „אבער וויא־זשע איז זיא דורכגעגאנגען דאס דאזיגע? וויא וואלט איך וועלען וויסען איהר ראמאן“, האט געטראכט קיטי, עראינערענדיג זיך אויף דעם פאעטישען אויסזעהען פון אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, איהר מאן.

— איך ווייס אביסעל. סטיווא האט מיר דערצעהלט, און, איך גראטוליר אייך, ער געפעלט מיר זעהר — האט פארטגעזעצט אננא — איך האב בעגעגענט ווראנסקי אויפ'ן אייזענבאהן.

— אך, ער איז דארט געווען? — האט געפרעגט קיטי רויט ווערענדיג — וואס־זשע האט אייך סטיווא געזאגט?

— סטיווא האט מיר אלעס אויסגעפלוידערט. און מיך האט געפרעהט... איך בין נעכטען געפאהרען מיט ווראנסקי'ס מוטער — האט זיא פארטגעזעצט — און דיא מוטער האט אהן אויפהער מיט מיר גערעדט וועגען איהם, ער איז איהר ליעבלינג, איך ווייס וויא מוטערס זיינען פארטייאיש, אבער....

— וואס־זשע האט אייך דיא מוטער דערצעהלט?

— אך, פיעלעס! און איך ווייס אז ער איז איהר ליעבלינג, אבער עס איז פון דעסטוועגען קענטיג, אז ער איז א ריטער... נו, צום ביישפיעל, זיא האט מיר דערצעהלט, אז ער האט געוואלט זיין גאנצען פערמעגען אוועקגעבען זיין ברודער, אז ער האט אלס קינד געטאהן עפעס אונגעוועהנליכעס, האט ארויסגעראטעוועט א פרוי פון וואסער. מיט אייןווארט, א העלד — האט געזאגט אננא, שמייכלענדיג און דערמאנענדיג זיך וועגען דיא צוויי הונדערט רובעל, וועלכע ער האט גענעבען אויפ'ן סטאנציע.

אבער זיא האט ניט דערצעהלט וועגען דיעזע צוויי הונדערט רובעל. עס איז איהר עפעס געווען אונאנגענעהם צו דערמאנען וועגען דעם. זיא האט געפיהלט, אז דעריין איז געווען עפעס, וואס האט געהאט א שיכות צו איהר און עפעס אזעלכעס, וואס האט ניט געדארפט זיין.

— זיא האָט מיך זעהר געבעטען אריבערצופאָהרען צו איהר — האָט גע
זאָגט אננא — און איך וואָלט זעהר גערן זיין צו זעהען דיא אלטעטשקע און ווע
מאָרגען צו איהר אריבערפאָהרען. נו, אָבער דאנקען גאָט, סטיווא בלייבט לאנג
ביי דאללי אין קאבינעט — האָט זיא צוגעלייגט, בייטענדיג דעם געשפּרעך און
אויפשטעהענדיג עפּעס אַן אונצופריעדענע וויא קיטי׳ן האָט זיך געדוכט.
— ניין, איך פריהער! ניין, איך! — האָבען געשריען דיא קינדער, נאָך
דעם וויא זיי האָבען געענדיגט דאָס טהעע־טרינקען און זיינען ארויסגעלאָפען צו
טאנטע אננא.
— אלע צוזאמען! — האָט געזאָגט אננא לאכענדיג, און איז געלאָפען זיי
אנטקעגען, האָט זיי אומארעמט און האָט פרעהלאך א ווארף געטאָהן דיא גאנצע
בערגעל קינדער, וועלכע האָבען געקוויטשעט פאר פרייד.

## 21.

צו דער צייט פון טהעע־טרינקען פאר דיא גרויסע איז דאללי ארויסגעקומען
פון איהר צימער. סטעפּאן ארקאדיעוויטש האָט זיך ניט געוויזען. ער איז אפּנים
ארויס פון דער פרוי׳ס צימער דורך דער הינטער־טיהר.
— איך האָב מורא, אז דיר וועט זיין קאלט אויבען — האָט באמערקט
דאללי, ווענדענדיג זיך צו אננא — איך וואָלט וועלען דוא זאָלסט בעסער האָבען
א צימער אונטען, און מיר וועלען נעהנטער זיין.
— אך, וועגען מיר זאָרגט זיך ניט — האָט געענטפערט אננא, איינקוק־
קענדיג זיך אין דאללי׳ס געזיכט און זוכענדיג צו פארשטעהן, צו איז געשלאָסען
געוואָרען פריעדען אָדער ניט.
— דאָ וועט דיר ליכטיגער זיין — האָט געענטפערט דיא שוועגערין.
— איך זאָג דיר, אז איך קאָן שלאָפען געשמאק אימער און אומעטום.
— וועגען וואָס איז דאָס? — האָט א פרעג געטאָהן סטעפּאן ארקאדיע־
וויטש פּלוצלונג ארויסקומענדיג פון זיין קאבינעט און ווענדענדיג זיך צו דער פרוי.
פון זיין טאָן האָבען קיטי און אננא פערשטאנען גלייך, אז פריעדען האָט
שטאטגעפונען.
— איך וויל אננא׳ן צורעכט מאכען דאָ אונטען, אָבער מען דארף דיא
גארדינען איבערהייגגען. קיינער וועט דאָס ניט קאָנען מאכען, מען דארף אליין —
האָט געענטפערט דאללי, ווענדענדיג זיך צו איהם.
„גאָט ווייס, צו עס איז שוין אין גאנצען שלום“, האָט א טראכט געטאָהן
אננא, הערענדיג איהר קאלטען און רוהיגען טאָן.
— אך, גענוג דיר דאללי, אומעטום צו מאכען שוועריגקייטען — האָט
געזאָגט דער מאַן — נו, ווילסט, וועל איך דאָס אלעס מאכען....

# אננא קארעני נא

„יא, אפנים טאקע פאלשטענדיג פריעדען“ — האט א טראכט געטאהן אננא.

— איך ווייס דאך וויא דו וועסט אלעס מאכען — האט געענטפערט דאללי: — דו וועסט זאגען מאטווייען מאכען דאס, וואס עס קאן ניט געמאכט ווערען, און אליין וועכטו אוועקפאהרען און ער וועט אלעס צופלאנטערן — און דער געוועהנליכער שפאסהאפטער שמייכעל האט געקנייטשט דיא ברעגען פון דאללים ליפען, ווען זיא האט דאס געזאגט.

„פאלשטענדיגע, פאלשטענדיגע פריעדען — האט געטראכט אננא — דאנקען גאט!“ און פרעהענדיג זיך וואס זיא איז געווען דיא אורזאכע דערפון איז זיא צוגעגאנגען צו דאללי און האט זיא א קוש געטאהן.

— ס'איז גאר ניט אזוי; פאר וואס האכט דו אונז מיט מאטווייען? — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש, קוים בעמערקבאר שמייכלענדיג און ריידענדיג צו דער פרוי.

דעם גאנצען אבענד, אזוי וויא אימער, האט דאללי זיך בענומען שפאס־האפט צום מאן, און סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געווען פרעהלאך און צופריע־דען, אבער אויך אזוי פיעל אום ניט צו בעווייזען, אז ער זייענדיג א פערצייהעטער, האט פערגעסען זיין שולד.

דיא בעזונדער אנגענעהמע און פרעהליכע פאמיליען־אונטערהאלטונג ארום דעם טהעע טיש ביי דיא אבלאנסקים איז אזייגער האלב נאך צעהען געשטערט געווארען פון אן אויגענשיינליך געוועהנליכע פאסירונג. אבער דיא דאזיגע איינ־פאכע פאסירונג האט זיך עפעס אלעמען בעוויזען אלס אויסערגעוועהנליך. ווען מען האט זיך צורעדט וועגען פעטערבורגער אלגעמיינע בעקאנטע, האט זיך אננא פלוצלונג אויפגעהויבען פון טיש.

— וויא איז ביי מיר דא אין אלבאם, — האט זיא געזאגט — יא, און פאר איין וועגס וועל איך אייך שוין ווייזען מיין סעריאזשא — האט זיא צוגע־לייגט מיט א שטאלצען מוטערליכען שמייכעל.

א זייגער צעהן, ווען זיא האט זיך לויט געוואהנהייט געזעגענט מיט'ן זוהן, זייענדיג אין דער היים, און אפט אפילו אליין געלייגט איהם שלאפען ווען זיא האט געדארפט אוועקגעהן אויף א באל, איז איהר געווארען אומעטיג וואס זיא איז אזוי ווייט פון איהם, און וועגען וואס מען האט ניט גערעדט האט זי זיך אלץ אין איהרע געדאנקען צוריקגעקעהרט צו איהר געקרייזעלטען סעריאזשא. איהר האט זיך געגלוסט א קוק צו טאהן אויף זיין בילד און ריידען וועגען איהם. בענוצענדיג זיך מיט דער ערשטער געלעגענהייט, האט זיא זיך אויפגעהויבען מיט איהר לייכטען און ענטשלאסענעם גאנג און איז אוועק נאך'ן אלבאם. דיא טרעפ ארויף צו איהר צימער האט געפיהרט דורך א קליינער פלאטפארם צו דעם גרויסען אריינגאנג אויף דיא ווארעמע טרעפ.

אין דער צייט, ווען זיא איז ארויסגעגאנגען פון צימער, האט זיך אין פאדערצימער דערהערט דער גלעקעל:

— ווער קען דאס זיין? — האט געזאגט דאללי.

# אננא קארעינינא

— זאָל דאָס זיין נאָך מיר, איז צו פריה, און פאר אַן אַנדערען איז דאָס צו שפּעט — האָט באַמערקט קיטי.

— געוויס מיט פּאַפּירען — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, און ווען אַננאַ איז פערבייגעגאַנגען פערביי דיא טרעפּ, איז דער לאַקיי אַרויפגעלאָפען אום צו מעלדען וועגען דעם אָנגעקומענעם, און דער אָנגעקומענער אַליין איז געשטאַנען ביים לאָמפּ. אַננאַ האָט אַ קוק געטאָהן אַראָפּ און האָט גלייך דערקענט ווראָנסקי, און אַ זאָנדערבאַרער געפיהל פון צופריעדענהייט געמישט מיט שרעק האָט פּלוצלונג אַ צאַפּעל געטאָהן זיך ביי איהר אין האַרצען. ער איז געשטאַנען אין מאַנטעל און האָט עפּעס אַרויסגענומען פון קעשענע.

אין דער צייט ווען זיא האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דעם מיטען פון דיא טרעפּ, האָט ער אויפגעהויבען דיא אויגען, האָט איהר דערזעהען און אין דעם אויסדרוק פון זיין פּנים האָט זיך געוויזען עפּעס פערשעהמטקייט און ערשראָקענ־הייט. זיא איז פערבייגעגאַנגען לייכט אַ נייג טאָהנדיג דעם קאָפּ, און באַלד נאָך איהר האָט זיך דערהערט דיא הויכע שטימע פון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וועל־כער האָט איהם איינגעלאַדען אַריינצוקומען, און ווראָנסקי׳ס ניט הויכע, ווייכע און רוהיגע שטימע, וועלכער האָט זיך דערפון אָבגעזאָגט.

ווען אַננאַ האָט זיך אומגעקעהרט מיט׳ן אַלבאָם, א־ז ער שוין ניט געווען און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דערצעהלט אַז ער איז אַריינגעפאָהרען דער־וויסען זיך וועגען דעם באַנקעט, וועלכען זיי האָבען פאר מאָרגען פעראַנשטאַל־טעט צו עהרע פון אַ בעריהמטהייט, וועלכע איז געקומען צופאָהרען.

— און בשום אופן האָט ער ניט געוואָלט אַריינקומען. וואָס פאר אַ זאָנדערבאַרער ער איז — האָט ערקלערט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש.

קיטי איז רויט געוואָרען. זיא האָט געמיינט, אַז זיא אַליין בלויז האָט פערשטאַנען נאָך וואָס ער איז געקומען און פאר וואָס ער איז ניט אַריין. „ער איז געווען געוויס ביי אונז — האָט זיא געטראַכט — און האָט מיך ניט געפונען, האָט ער געטראַכט, אַז איך מוז זיין דאָ; אָבער ער איז ניט אַריינגעקומען, ווייל עס איז שפּעט און אַננאַ איז דאָ.“

אַלע האָבען איינע דיא אַנדערע אָנגעקוקט, קיין זאָך ניט זאָגענדיג, און זיי האָבען אָנגעהויבען דורכצוקוקען אַננאַ׳ס אַלבאָם.

קיין אונגעוועהנליכעס און בעזאָנדערעס איז ניט געווען דעריין, וואָס אַ מענש איז אַ זייגער האַלב־צעהן פאָרפאָהרען צו ערקונדיגען זיך וועגען אַ באַנקעט, וואָס ווערט אויף מאָרגען פעראַנשטאַלטעט און איז ניט אַריינגעגאַנגען אינוויינינג איבער דעם וואָס איז צו שפּעט. אָבער פון דעסטוועגען האָט זיך דאָס אַלעמען אויסגעוויזען אַלס עפּעס זאָנדערבאַרעס. מעהר פון אַלעמען האָט דאָס אויס־געוויזען אַננאַ׳ן אַלס זאָנדערבאַר און ניט גוט.

## 22.

דער באַל האָט זיך נור וואָס אָנגעפאַנגען, ווען דיא מוטער איז מיט קיטי'ן אַרויפגעגאַנגען אויף דיא גרויסע טרעפּ, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט מיט בלומען, מיט געפּודערטע לאַקייען אין רויטע קאַפּטענס און איז געווען בעגאָסען מיט העלעם ליכט. פון זאַל האָט זיך צוגעטראָגען דער רויש פון בעוועגונג און אין דער צייט וואָס זיי האָבען ביים שפּיגעל צווישען דיא פּלאַנצונגען צורעכט געמאַכט זייערע קליידער און דיא פריזור פון דיא האָאר, האָבען זיך פון זאַל שוין אָנגעהויבען צו הערען דיא קלאַנגען פון דעם אָרקעסטער פון פידלען, וועלכער האָט אָנגעהויבען דעם ערשטען וואַלס.

אַ ציווילנער אַלטינקער, וועלכער האָט צורעכט געמאַכט זיינע גרויע שלייפען-גרייזלאַך לעבען דעם אַנדער שפּיגעל און פון וועלכען עס האָט זיך שטאַרק געהערט דער ריח פון פּערפיום, האָט זיך מיט זיי אָנגעשטויסען אויפ'ן טרעפּ און האָט אָבגעטראָטען דעם וועג, הנאה האָבענדיג, וויא עס האָט געשיינט, אָנצוקוקען קיטי, וועלכע איז איהם געווען אונבעקאַנט.

אַן אָהן-בערדיגער בחור'ל, איינער פון יענע וועלטליכע בחורים'לאַך, וועלכע דער אַלטער פירסט שטשערבאצקי האָט גערופען צ ו צ י ק ל א ך, אין אַ ווייט געבלייזטע וועסט, האָט זיך פערנייגט, פעררינטענדיג אויפ'ן וועג דעם ווייסען האַלז-טוך, און פערביילויפענדיג, האָט ער זיך דערנאָך אַ קעהר געטאָהן צוריק און איינגעלאַדען קיטי צו אַ קאַדריל. דיא ערשטע קאַדריל איז שוין געווען פערשפּראָכען ווראָנסקין, זיא האָט געמוזט דעם יונגען-מאַנטשיק פערשפּרעכען דעם צווייטען. אַ מיליטער-מאַן, פערשפּילענדיג זיין האַנדשוה, האָט אָבגעטראָטען דעם וועג און, גלעטענדיג זיינע וואָנצעס, האָט הנאה געהאַט פון דער ראָזיגער קיטי.

ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דער קאָסטיום, דיא פריזור און אַלע פּאָרבערייטונגען צום באַל האָבען געקאָסט קיטין פיעל מיה און פיעל נאָכדיינקען, האָט זיא איצט אין איהר פיעלפאַכיגען טולענעם קלייד אוף דעם ראָזיגען שטאָף אונטערן קלייד, אַריינגעקומען איצט אויפ'ן באַל לייכט, פריי און איינפאַך, אַזוי וויא אַלע דיא בענדלאַך און שפּיצען און שלייפלאַך, אַלע איינצעלהייטען פון דער קליידונג וואָלטען איהר און איהרע הויז-מענשען גאָר ניט געקאָסט קיין מינוט מיה, אַזוי גאָר וויא זיא וואָלט געבאָרען ווערען אין דיא דאָזיגע שפּיצען און טול, מיט דער דאָזיגער הויכער פריזור בעפּוצט מיט אַ ראָזע מיט צוויי בלעטלאַך אויבען.

ווען דיא אַלטע פירסטין האָט געוואָלט אויף איהר פעררינכטען די לענטע פון גורט, וואָס האָט זיך פערדרעהט, האָט קיטי לייכט אָבגערוקט זיך: זיא האָט געפיהלט, אַז אַלעם דאַרף שוין פון זיך אַליין זיין גוט און חן'עוודיג אויף איהר און אַז מען דאַרף קיין זאַך ניט צורעכט מאַכען.

קיטי איז געווען אין איינעם פון איהרע גליקליכע טעג. דאָס קלייד האָט ערגעץ ניט געדריקט; דיא ראָזע שיכלעך אויף דיא הויכע, אויסגעבויגטע קנאַ-

# אננא קארעני־נא

פעל האָבן ניט געקוועטשט און האָבן פרעהליך געמאַכט דיא פוס. דער געדיכטער קנופּ פון בלאָנדע האָאר האָט זיך געהאַלטען פעסט וויא אייגענע אויף דעם קליינעם קאָפּ. אלע דריי קנעפּלעך האָבן זיך גוט פערשפּילעט און קיין זאַך האָט ניט געפּלאַצט אין דיא לאַנגע האַנדשוה, וועלכע האָבן שעהן ארומגעכאַפּט דעם רונדען ארעם, ניט ענדערנדיג דיא פאָרם. דער שוואַרצער זאַמעט־בענדעל פון מעדאַליאָן האָט בעזונדער צערטליך אומרינגעלט דיא האַלז. דער דאָזיגער זאַמעט־בענדיל איז געווען א פּראַכט. קיטי האָט געשמייכעלט אויך דאָ אויפ'ן באָל, ווען זיא האָט זיך צוגעקוקט אין שפּיעגעל צו דעם זאַמעט־בענדעל.

אין דיא נאַקעטע שולטערן און הענד האָט קיטי געפיהלט א מאַרמאָר־קאַלטקייט — א געפיהל, וועלכעס זיא האָט בעזונדער געליעבט. דיא אויגען האָבן געגלאַנצט, און דיא רויטע ליפּען האָבן ניט געקאָנט צוריקהאַלטען זיך פון שמייכלען פון בעוואוסטזיין, וויא אָנציהענד זיא איז. זיא האָט נאָך ניט צייט געהאַט ארייןצוגעהען אין זאַל, וויא מען האָט איהר שוין איינגעלאַדען צו א וואַלס. און איינגעלאַדען האָט איהר דער גוויפּט קאַוואַלער פון דער טאַנצענדער־היעראַרכיע, דער בעריהמטער דיריזשאָר פון בעלער, דער צערעמאָניע־מייסטער, א פערהייראַטהער, שעהנער, שטאַטליכער מאַנכפּערזאָן, יעגאָרושקא קאָרסונסקי. ער האָט נור וואָס פערלאָזען דיא גרעפין באָנינא, מיט וועלכער ער האָט געטאַנצט דעם ערשטען טור פון וואַלס און ארומקוקענדיג זיין ווירטהשאַפט, דאָס הייסט דיא עטליכע פּאָאר וועלכע האָבן זיך א לאָז געטאָהן טאַנצען, האָט ער דערזעהען דיא ארייןקומענדע קיטי און איז צוגעלאָפען צו איהר מיט יענער בעזונדער געשיקטקייט, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס דיא דירישאָרען פון בעלער. ער האָט אונטערגעשטעלט זיין ארעם, האָט זיך אנגעבויגען און ניט פרעגענדיג אַפילו קיין ערלויבניס, אויב זיא ווינשט אָדער ניט, האָט ער שוין פאַרטראָגען זיין האַנד ארומצונעהמען איהר דינע טאַליע. זיא האָט זיך אומגעקוקט, וועמען איבערצוגעבען איהר פעכער; דיא ווירטהין פון הויז האָט איהר פעכער גענומען און צוגעשמייכעלט.

— וויא גוט וואָס איהר זייט געקומען אקוראַט בעצייטענס — האָט ער געזאָגט, ארומנעהמענדיג איהר טאַליע — ווארום וואָס איז דאָס אין אמת'ן פאַר א מאַניער צו פאַרשפּעטיגען זיך.

זיא האָט אויסגעבויגען איהר לינקע האַנד און ארויפגעלייגט אויף זיין אקסעל, און דיא קליינע פיסלעך אין דיא ראָזע שיכלעך האָבן פלינק, לייכט און מעסיג אָנגעהויבען צו בעוועגען זיך נאָכ'ן טאַקט פון דער מוזיק איבער דעם גליטשיגען פּאַרקעט.

— מען רוהט זיך אָב ווען מען וואַלסירט מיט אייך — האָט ער איהר געזאָגט, אוועקלאָזענדיג זיך נאָך מיט דיא ערשטע ניט שנעלע טריט פון וואַלס — א פּראַכט וואָס פאַר א לייכטקייט, פּרעציזיאָן! — האָט ער איהר געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט כמעט צו אלע שעהנע בעקאַנטע.

זיא האָט א שמייכעל געטאָהן אויף זיינע לויב־ווערטער און איבער זיין אקסעל האָט זיא פאָרטגעזעצט צו בעאָבאַכטען דעם זאַל. אין דעם לינקען ווינקעל פון זאַל האָט זיא געזעהען וויא עס האָט זיך צונויפגרופּירט דיא רעכטע בלי־

הונג פון דער געזעלשאפט. דאָרט איז געווען לידי, קארסונסקים ווייב, אן אויסגעבלייזטע שעהנהייט ביז אונמעגליכקייט; דאָרט איז געווען דיא ווירטהין, דאָרט האָט געשיינט מיט זיין פליך קריווין, וועלכער איז תמיד געווען דאָרט, וואו עס האָבען זיך פערזאמעלט דיא סאמע אויבערשטע פון דער געזעלשאפט; אהין האָבען געקוקט דיא יונגע בחורים'עלך ניט וואגענדיג צוצוגעהן נעהנטער, און דאָרט האָט זיא אויך מיט דיא אויגען געפונען סטיוואַ'ן און האָט דערנאָך דערזעהען דיא פרעכטיגע פיגור און קאָפּ פון אננא אין א שווארצע, זאמעטענע קלייד. און ע ר איז אויך דאָ געווען. קיטי האָט איהם ניט געזעהען פון יענעם אבענד אָן, ווען זיא האָט ענטזאגט לעווינען. זיא האָט מיט איהרע ווייטזיכטיגע אויגען באלד איהם דערקענט און האָט זאָגאר באמערקט, אז ער קוקט אויף איהר.

— וואָס־זשע, נאָך א טור? איהר זייט נאָך ניט מיעד? — האָט געזאָגט קארסונסקי, לייכט סאָפּענדיג.

— ניין, א דאנק אייך.

— וואוהין זשע זאָל איך אייך אָבפיהרען?

— קארענינא איז דוכט זיך דאָ... פיהרט מיך אָב צו איהר.

— וואוהין איהר באפעהלט.

און קארסונסקי האָט א וואלסיר געטאָהן, איינהאלטענדיג דיא טריט, גלייך אין דער מאסע צום לינקען ווינקעל פון זאַל, אונטערזאָגענדיג אלץ: „פארדאָן, מאדאמס, פארדאָן, פארדאָן, מאדאמס," און קונציג דורכדרעהענדיג זיך צווישען דעם ים פון שפיצען, טול און בענדער, ניט פערצעפּענדיג אפילו קיין פעדערל, האָט ער העפטיג א קעהר געטאָהן זיין דאמע, אזוי אז עס האָבען זיך אויפגעדעקט איהרע דינע פיסלאך אין דיא אזשור־בלויע זאָקען, און דער שלייף האָט זיך צושפּרייט און איז פארטראָגען געוואָרען אויף קריווינס קניע, פארדעקענדיג זיי. קארסונסקי האָט זיך פערנייגט, האָט אויסגעגלייכט זיין געבלייזטע ברוסט און האָט דערלאנגט איהר זיין ארעם אום צו־צופיהרען זיא צו אננא ארקאדיעוונא..

קיטי, א צורויטעלטע, האָט אראָבגענומען דעם שלייף פון קריווינס קניע, און אביסעל א בערוישטע, האָט זיא זיך ארומגעקוקט, אויפזוכענדיג אננא'ן. אננא איז ניט געווען אין א לילע קלייד, וויא דאָס האָט זיך עפּעס געוואָלט קיטין, נור אין א שווארצע זאמעטענע, נידריג אויסגעבלייזטע, און דאָס האָט צועפענט איהרע געמאָקטע שולטערן, אזוי וויא פון עלפאנט ביין, פולע שולטערן און ברוסט און דיא רונדע הענד. דיא גאנצע קלייד איז געווען בעפּוצט מיט ווענעציאנישע שפּיצען. אויף'ן קאָפּ, אין דיא שווארצע האָאר איז געווען א קליינע גירליאנד פון קאָרנבלומען און אזא גירליאנדע אויך אויף דעם שווארצען באנד פון דעם גורט צווישען דיא ווייסע שפּיצען. איהר פריזור איז גאָר ניט געווען צו בעמערקען. אויף דעם געמאָקטען, קרעפטיגען נאקען איז געווען א שנור פערעל.

קיטי האָט יעדער טאָג געזעהען אננא'ן, איז געווען פערליעבט אין איהר און האָט זיך אלץ פאָרגעשטעלט, אז זיא מוז זיין אם שעהנסטען אין לילע־קליידער, אָבער איצט דערזעהענדיג זיא אין שווארצען, האָט זיא דערפיהלט, אז זיא האָט ניט פערשטאנען איהר ווירקליכע פראכט. זיא האָט איהר איצט דערזעהען

אלס עפעס גאר א נייע און אן אונערוואַרטעטע פאר איהר. איצט האָט זיא פער־שטאַנען, אז אננא האָט ניט געקענט אַנקליידען זיך אין ליליע־קאָליר, און אז איהר פּראַכט איז בעשטאַנען נעמליך דעריין, וואָס זיא איז אלע מאָהל אליין געווען בולט, ארויסגעטראָטען פון איהר טואַלעט, אז איהר קאָסטיום האָט זיך קיין מאָל ניט געזעהען אויף איהר. מען האָט אין קאָסטיום געזעהען זיא גופא.

זיא איז געשטאַנען וויא אימער, האַלטענדיג זיך זעהר גראַד, און ווען קיטי איז צוגעגאַנגען צום רעדעל מענשען, האָט זיא געהאַלטען אין ריידען מיט דעם ווירטה פון הויז, עטוואָס אַנגעבויגט דעם קאָפּ צו זיין זייט.

— ניין, איך וועל ניט וואַרפען קיין שטיין — האָט זיא איהם געענט־פערט אויף עפּעס — אָבוואָהל איך פארשטעה דאָס ניט — האָט זיא געזאָגט ווייטער א דריק מאָהנ׳דיג מיט איהרע אַקסלען און האָט זיך באַלד א קעהר געטאָהן מיט א צערטליכען שמייכעל צו קיטי. בעקוקענדיג איהר קאָסטיום מיט א שנעלען פרויען־בליק, האָט זיא גלייך דאָ שוין געמאַכט א בעמערקונג מיט׳ן קאָפּ, אז איהר געפעלט אזא גאַנג.

— איהר קומט אריין אין זאַל, טאַנצענדיג — האָט זיא א זאָג געטאָהן.

— דאָס איז איינע פון מיינע טרייע העלפערינס — האָט געזאָגט קאר־סונסקי, גריסענדיג אננא ארקאַדיעוונא, וועלכע ער האָט נאָך פריהער קיין מאָהל ניט געזעהען — דיא פירסטין העלפט אימער־צו מאַכען א באַל פרעהליכער און שעהנער. אננא אַרקאַדיעוונא, א טור פון וואַלס פיעלייכט — האָט ער געזאָגט אנבויגענדיג זיך.

— זייט איהר בעקאַנט? — האָט א פרעג געטאָהן דער ווירטה.

— מיט וועמען זיינען מיר ניט בעקאַנט? איך און מיין פרוי זיינען אזוי וויא דיא ווייסע וועלף, אונז קענען אלע — האָט געענטפערט קארסונסקי — א טור פון וואַלס, אננא ארקאַדיעוונא.

— איך טאַנץ ניט, ווען איך קען אויסמיידען ניט צו טאַנצען — האָט זיא געזאָגט.

— אָבער היינט קאָנט איהר ניט אויסמיידען — האָט געענטפערט קאר־סונסקי.

אין דער מינוט איז אונטערגעקומען װראָנסקי.

— נו, אויב היינט קאָן מען ניט אויסקומען ניט טאַנצענדיג, דאַן לאָמיר געהן — האָט זיא געזאָגט ניט באַמערקענדיג װראָנסקי׳ס גערוס, און האָט שנעל ארויפגעלייגט דיא האַנד אויף קארסונסקי׳ס אַקסעל.

„פאַר וואָס איז זיא מיט איהם אונצופריעדען?" האָט א טראַכט געטאָהן קיטי, באַמערקענדיג, אז אננא האָט אומיכטנע ניט געענטפערט אויף װראָנסקי׳ס גערוס. װראָנסקי איז צוגעגאַנגען צו קיטי, האָט איהר דערמאָהנט, אז זיא איז איינגעלאַדען צום ערשטען קאַדריל און האָט בעדויערט וואָס ער האָט ביז איצט ניט געהאַט דעם פערגעניגען זיא צו זעהען. קיטי האָט געקוקט דיא גאַנצע צייט, הנאה האָבענדיג פון דער וואַלסירענדער אננא, און האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. זיא האָט געוואַרט, אז ער זאָל זיא איינלאַדען צו א וואַלס, אָבער ער האָט ניט איינגעלאַדען און זיא האט א פערוואונדערטע אויף איהם א קוק געטאָהן. ער

איז רויטה געוואָרען און האָט האסטיג זיא איינגעלאדען וואלסירען. נור־וואָס אָבער ער האָט ארומגענומען איהר דינע טאַליע און האָט געמאכט דעם ערשטען שריט, וויא פלוצלונג האָט אויפגעהערט דיא מוזיק. קיטי האָט א קוק געטאָהן אויף זיין פנים, וועלכער איז געווען אזוי נאָהענט צו איהר, און לאנג דערנאָך, אין פערלויף פון איינינע יאָהר, האָט דיזער בליק פול מיט ליעבע, מיט וועלכען זיא האָט איהם אָנגעקוקט געשניטען איהר הארץ, געפייניגט פון פארשעהמטקייט; ער האָט איהר אויף דיעזען בליק ניט געענטפערט.

— פארדאָן, פארדאָן! א וואלס! א וואלס! — האָט געשריען פון דעם צווייטען עק זאל קארסונסקי, און א כאפ טאָהענדיג דיא ערשטע, נאָהענטסטע דאמע, האָט ער אליין אָנגעהויבען טאנצען.

.23

ווראָנסקי און קיטי האָבען דורכגעטאנצט איינינע וואלס־טורען. נאָך איין וואלס איז קיטי צוגעגאנגען צו דער מוטער און קוים וואָס זיא האָט בעוויזען צו זאָגען עטליכע ווערטער דער גרעפין נארדסטאָן, איז ווראָנסקי צו איהר צוגעקומען און האָט זיא גענומען צום ערשטען קאדריל. אין דער צייט פון קאדריל איז קיין בעדייטענדעס צווישען זיי ניט גערעדט געוואָרען. עס איז בלויז אָנגעגאנגען א שמועס, דאָס וועגען דיא קארסונסקיס, וועגען דעם מאן און דער פרוי, דאָס וועגען דעם קינפטיגען עפענטליכען טהעאטער. און נור איין מאָהל האָט דאָס געשפרעך זיא טיעף אָנגעריהרט, ווען ער האָט א פרעג געטאָהן וועגען לעווינען, אויב ער איז נאָך דאָ, און האָט דערביי געזאָגט, אז לעווין געפעלט איהם זעהר.

נור קיטי האָט אין דער ווירקליכקייט פון קאדריל גאָר נישט ערווארט. זיא האָט מיט א פערשטיקטען הארצען ערווארט וואָס עס וועט זיין, ווען זיי וועלען טאנצען צוזאמען מאזורקע. זיא האָט געהאָפט, אז ער וועט מיט איהר טאנצען א מאזורקע וויא אויף דיא פריהערדיגע בעלער; זיא האָט שוין ביי א פינף קאוואלערען ענטזאגט, וועלכע האָבען זיא געוואָלט באשטעלען אויף א מאזורקע. דער גאנצער באָל און דער לעצטער קאדריל איז פאר קיטי'ן געווען עפעס א צויבער־טרוים פון פריידענס־בלומען, קלאנגען און בעוועגונגען. זיא האָט ניט געטאנצט בלויז דאן, ווען זיא האָט זיך געפיהלט צופיעל מיעד און האָט געוואָלט אָברוהען.

אָבער טאנצענדיג דעם לעצטען קאדריל מיט איינעם פון דיא לאנגווייליגסטע יונגעלייטלעך, וועלכען זיא האָט גראד ניט געקענט ענטזאגען, איז איהר אויסגעקומען צו זיין וויז־א־ווי מיט ווראנסקי און אננא. און דאָ האָט זיא אננא'ן ווידער דערזעהען אלס עפעס גאָר אן אנדערע, א שפּאָגעל נייע און אונערווארטעטע. זיא האָט אין איהר דערזעהען יענעם צושטאנד, וועלכען זיא האָט געקענט אין זיך, דיא אויפגערעגטקייט פון ערפאָלג. זיא האָט געזעהען, אז אננא איז בע־

# אננא קארעני נא

זויפען פון דעם וויין פון ענטציקונג וואס זיא ערוועקט מיט זיך. זיא האט געוואוסט וואס פאר א געפיהל דאס איז און האט געוואוסט דיא סמנים פון דעם דאזיגען געפיהל. זיא האט דיא סמנים געזעהען אין אננא'ן. זיא האט געזעהען דעם ציטערנדען, אויפפלאמענדען גלאנץ אין דיא אויגען און דעם שמייכעל פון גליק און גערייצטקייט, וואס בויגט אונווילליג דיא ליפען, און דעם קענטיגען חן, גלייכקייט און לייכטקייט אין דיא בעוועגונגען.

„ווער ? — האט זיא א טראכט געטאהן — אלע, אדער איינער ?"

און ניט העלפענדיג דעם פערמאטערטען בחור'ל, מיט וועלכען זיא האט געטאנצט, אין זיין געשפרעך, פון וועלכען ער האט פערלארען דעם פאדים און האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען ווייטער, האט זיא נאכגעקוקט דיא טאנצענדע און איהר האט זיך פערדריקט אלץ מעהר און מעהר:

„ניין, זיא איז ניט בעזויפען פון דעם וואס דיא מאסע איז ענטציקט פון איהר, דאס איז פון דער ענטציקונג פון איינעם. און דער איינער — זאל דאס מעגליך זיין אז דאס איז ער?" האט געטראכט קיטי.

יעדען מאל ווען ער האט גערעדט מיט אננא, האט אין איהרע אויגען אויפגעפלאמט א פריידענס־גלאנץ, און א שמייכעל פון גליק האט גערונדעלט איהרע רויטע ליפען. זיא האט קענטיג געמאכט אן אנשטרענגונג איבער זיך, אום ניט ארויסצואווייזען דיא צייכענס פון פרייד. אבער זיי זיינען אליין ארויסגעקומען אויף איהר פנים. „אבער וויא איז מיט איהם?" האט געטראכט קיטי, און זיא האט אויף איהם א קוק געטאהן און איז צושראקען געווארען.

דאס וואס קיטי האט זיך אזוי קלאהר פארגעשטעלט אין שפיעגעל פון אננא'ס פנים, האט זיא איצט דערזעהען אין איהם. וואו איז אהינגעקומען זיין שטענדיג רוהיגע, פעסטע האלטונג און דער זארגלאז רוהיגער אויסדרוק פון פנים? ניין, יעדעס מאל איצט, ווען ער גיט זיך א ווענד צו איהר, בויגט ער עטוואס אן זיין קאפ אזוי וויא ער וואלט וועלען פאלען פאר איהר, און אין זיין בליק איז געווען בלויז איין אויסדרוק פון אונטערטעניגקייט און שרעק. אזוי וויא זיין בליק וואלט יעדעס מאל זאגען: „ניין, ניט בעליידיגען דיך וויל איך, נור רעטען דיך וויל איך, אבער איך ווייס ניט וויא". אויף זיין פנים איז געווען אזא אויסדרוק, א וועלכען זיא האט נאך קיין מאהל פריהער אויף איהם ניט געזעהען.

זיי האבען געשמועסט וועגען אלגעמיינע בעקאנטע, האבען געפיהרט א גאנץ אונוויכטיגען געשפרעך, אבער קיטין האט אויסגעוויזען, אז יעדעס ווארט וואס זיי האבען ארויסגערעדט האט ענטשיידען זייער שיקזאל און איהר שיקזאל. און זאנדערבאר איז געווען דאס, וואס אבוואהל זיי האבען אין דער ווירקליכקייט גערעדט וועגען דעם, וויא לעכערליך עס איז איוואן איוואנאוויטש מיט זיין פראנצויזישער שפראך, אדער וועגען דעם, אז פאר יעלעצקאיא וואלט זיך געקאנט אבזוכען א בעסערער שידוך, און פון דעסטוועגען האבען דיא דאזיגע ווערטער געהאט פאר זיי א בעדייטונג, און זיי אליין האבען דאס אויך אזוי געפיהלט, וויא קיטי.

דער גאנצער באל, דיא גאנצע וועלט — אלעס האט זיך פערצויגען מיט א טומאן אין קיטיס נשמה. בלויז צו פערדאנקען דער שטרייינגער שוהלע פון

ערציהונג, וועלכע זיא איז דורכגעגאנגען, דאס האט זיא געשטיצט און געצוואונגען צו טאהן דאס, וואס פון איהר האט זיך געפאדערט, דאס הייסט טאנצען, ענטפערען אויף פראגען, ריידען, אפילו שמייכלען. אבער פאר דעם וויא עס האט זיך אנגעהויבען דיא מאזורקע, ווען מען האט שוין אנגעהויבען צו צושטעלען דיא שטוהלען און איינינע פאארלעך האבען זיך שוין א לאז געטאהן פון דיא קלענערע זאלען צום גרויסען זאל, איז אויף קיטי'ן ארויף א מינוט פון פערצווייפלונג און שרעק.

פינף איינלאדונגען האט זיא ענטזאגט און האט שוין איצט קיין מאזורקע ניט געטאנצט. עס איז אפילו שוין קיין האפענונג ניט געבליבען, אז מען זאל זיא ווידער איינלאדען, און טאקע דערפאר ווייל אלע האבען גערעכענט אז זיא איז צו ערפאלגרייך אין געזעלשאפט און קיינעם האט ניט געקאנט ארויף אויפ'ן זינען, אז זיא איז נאך ביז איצט ניט באשטעלט געווארען מיט עמיצען צו טאנצען. מען דארף זאגען דער מוטער, אז זיא איז ניט געזונד און פאהרען אהיים, אבער דערויף האבען איהר געפעהלט קרעפטען. זיא האט זיך געפיהלט א דערשלאגענע.

זיא איז אריינגעגאנגען אין קליינעם זאל, ווייט פון אלעמען און האט זיך אראבגעלאזען אויף א שטוהל. דיא לופטיגע קלייד האט זיך ערהויבען וויא א וואלקען ארום איהר דינער טאליע; איין נאקעטע, מאגערע, צארטע מיידעלהאנד האט זיך קראפטלאז ארונטערגעלאזען און איז אזוי וויא פערטרונקען געווארען אין דיא פאלדען פון דעם ראזיגען טוניק; אין דער צווייטער האנד האט זיא געהאלטען דעם פעכער און האט מיט שנעלע, קורצע בעוועגונגען געפעכערט איהר צוהיצטען פנים. ניט קוקענדיג אויף איהר אויסזעהען פון א זומער-פויגעלע, וועלכע האט זיך נור-וואס איינגעצעפעט אין א גרעזעל און איז פארטיג אט אט א שוועב טאהן צועפענענדיג איהרע רעגענבויגענדיגע פליגלען, האט א שרעקליכע פערצווייפלונג פערדריקט איהר הארץ.

„און עס קאן זיין, אז איך מאך א טעות, עס קאן זיין, אז דאס איז גאר אזוי ניט געוועזן?" אין; זיא האט ווידער אמאל דערמאנט זיך אויף אלעס וואס זיא האט געזעהען.

— קיטי, וואס איז דאס אזוינס?— האט געזאגט גרעפין נארדסטאן, אינטערקומענדיג צו איהר אונהערבאר אויפ'ן טעפיך — איך פארשטעה דאס ניט.

קיטיס אונטערשטע ליפ האט א ציטער געטאהן; זיא האט זיך שנעל אויפגעהויבען.

— קיטי, דוא טאנצסט ניט קיין מאזורקע?

— ניין, ניין, — האט קיטי געשעפטשעט מיט א שטימע, וואס האט געציטערט פון טהרערען.

— ער האט פאר מיר אין דיא אויגען איינגעלאדען זיא צו א מאזורקע— האט געזאגט נארדסטאן, וויסענדיג אז קיטי וועט פערשטעהן ווער דער ער איז און ווער דיא זיא איז — און זיא זאגט איהם: „וויא, איהר טאנצט דען ניט מיט דער פירסטין שטשערבאצקאיא?"

# אננא קארענינא

— אך, מיר איז עס גאנץ עגאל! — האט געענטפערט קיטי.

קיינער, אויסער איהר אליין, האט ניט פערשטאנען איהר לאגע; קיינער האט ניט געוואוסט, אז זיא האט נעכטען אבגעזאגט א מענשען, וועלכען זיא האט אפשר געליעבט, און אבגעזאגט דערפאר. וואס זיא האט געגלויבט אין אן אנדערען.

גרעפין נארדסטאן האט אויסגעזוכט קארסונסקין, מיט וועלכען זיא האט געטאנצט א מאזורקע, און זיא האט איהם געהייסען איינלאדען קיטי.

קיטי האט געטאנצט אין ערשטער פאאר, און צו איהר גליק איז איהר ניט אויסגעקומען צו ריידען, ווארום קארסונסקי איז יעדע ווייל ארומגעלאפען און האט געווירטשאפטעט. וורָאנסקי און אננא זיינען געזעסען כמעט אנגעגען איהר. זיא האט זיי געזעהען מיט איהרע וויטזיכטיגע אויגען, האט זיי געזעהען אויך נעהנטער, ווען זיי האבען זיך אין דיא טאנץ־פיגורען אנגעשטויסען, און וואס מעהר זיא האט זיי געזעהען, אלץ מעהר האט זיא זיך איבערצייגט, אז איהר אונגליק איז געשעהען. זיא האט געזעהען, אז זיי פילען זיך וויא זיי וואלטען זיך פיהלען איינע אליין אין דעם דאזיגען זאל. און אויף ווראנסקים פנים, וועלכער איז אימער געווען אזוי פעסט און אזוי אונאבהענגיג, האט זיא געזעהען, יענעם אויסדרוק פון פערלארענקייט און אונטערטעניגקייט, פון וואס זיא איז איבערראשט געווארען; אויף זיין פנים איז געווען יענער אויסדרוק, וועלכער איז עהנליך צו דעם אויסדרוק פון א קלוגען הונד, ווען ער פערשולדיגט זיך.

האט אננא א שמייכעל געטאהן — האט זיך דער שמייכעל גלייך איבערגעגעבען איהם, האט זיא זיך פערטראכט — איז ער אייך באלד געווארען ערנסט. עפעס אן איבערנאטירליכע קראפט האט צוגעצויגען קיטים אויגען צו אננא'ס פנים. זיא איז געווען פרעכטיג אין איהר איינפאכע שווארצע, זאמעטענע קלייד, פרעכטיג זיינען געווען איהרע פולע הענד אין דיא בראסלעטען, פרעכטיג דער פעסטער נאקען מיט דעם שנור פערל, פרעכטיג דיא קרייזעל'יגע האאר פון דער צולייזטער פריזור, פרעכטיג דיא גראציעזע, לייכטע בעוועגונגען פון דיא קליינע הענד און פיס, פרעכטיג דער שעהנער פנים מיט זיין לעבעדיגקייט, אבער עפעס שרעקליכעס און אכזר'ישעס איז געווען אין דער דאזיגער פרעכטיגקייט.

קיטי האט נאך איצט מעהר הנאה געהאט צו קוקען אויף איהר איידער פריהער און האט אלץ מעהר און מעהר געליטען. קיטי האט זיך געפיהלט א צו־טראטענע און איהר פנים האט דאס אויסגעדריקט. ווען ווראנסקי האט זיא דער־זעהען, אנשטויסענדיג זיך מיט איהר אין דער מאזורקע, האט ער זיא ניט באלד דערקענט: אזוי האט זיא זיך געענדערט.

— א פראכטפולער באל! — האט ער איהר געזאגט אום צו זאגען וואס ניט איז.

— יא, — האט זיא געענטפערט.

אין מיטען מאזורקע, ווען עס איז ווידערהאלט געווארען דיא פיעלפאכע פיגור, וועלכע איז אלס א נייעס אויסגעטראכט געווארען פון קארסונסקי, איז אננא ארויסגעקומען אין מיטען קרייז, האט גענומען צוויי קאוואלערען און האט צוגערופען צו זיך צוויי דאמען און קיטי. קיטי האט אויף איהר געקוקט צושרא־

קען און איז צוגעגאנגען. אננא האָט אַ קנייטש טאָהנ׳דיג דיא אויגען געקוקט אויף איהר האנד. אָבער באמערקענדיג, אַז קיטי האָט איהר בעטראַכט מיט דעם אויסדרוק פון פערצווייפלונג און פערוואונדערונג, האָט זיא זיך אָבגעקעהרט פון איהר און האָט שוין אָנגעהויבען פרעהלאך צו ריידען מיט דער אנדער דאמע.

„יא, עפּעס משונה׳דיגעס, טייפעלשעס און פּרעכטיגעס איז פאראַן אין איהר“, האָט זיך געזאָגט קיטי.

אננא האָט ניט געוואָלט בלייבען צום אבענד־מאָהלצייט, אָבער דער ווירטה האָט זיא אָנגעהויבען צו בעטען.

— הערט אויף, אננא ארקאדיעוונא — האָט זיך צורעדט קארסונסקי, אריינגעהמענדיג איהר נאַקעטע האנד אונטער דעם ארבעל פון זיין פראַק. איך האָב אַ גרויסאַרטיגע אידעע וועגען אַ קאָטיליאָן!

און ער האָט זיך ביסלעכווייז באוועגט, וועלענדיג אוועקפיהרען זיא צום מאָהלצייט. דער ווירט האָט צוגעשמייכעלט אַז ס׳איז גוט אזוי.

— ניין, איך וועל ניט בלייבען — האָט געענטפערט אננא מיט אַ שמייכעל, אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם שמייכעל, האָבען אי קארסונסקי אי דער ווירטה פערשטאַנען פון דעם ענטשלאָסענעם טאָן, מיט וועלכען זיא האָט געענטפערט, אַז זיא וועט ניט בלייבען. — ניין, איך האָב אזוי אויך אין מאסקווא געטאַנצט אויף איין באַל אייערען, וויפיעל פאַר אַ גאַנצען ווינטער אין פּעטערסבורג — אומקוקענדיג זיך צו ווראָנסקי, וועלכער איז געשטאַנען לעבען איהר — מען מוז זיך אויסרוהען פאַר מיין אבפאָהרען.

— און איהר פאָהרט טאַקע בעשטימט מאָרגען? — האָט געפרעגט ווראָנסקי.

— יא, איך רעכען — האָט געענטפערט אננא, וואונדערנדיג זיך אויף דער דרייסטקייט פון זיין פראגע; אָבער דער ניט צוריקגעהאַלטענער גלאַנץ פון דיא אויגען און פון שמייכעל האָט איהם אַ בריה געטאָהן, ווען זיא האָט דאָס געזאָגט.

אננא ארקאדיעוונא איז ניט געבליבען צום אבענד־מאהלצייט און איז אוועקגעפאָהרען.

24

„יא, עס איז אין מיר פאראַן עפּעס אבשטויסענדעס, העסליכעס — האָט געטראַכט לעווין, ארויסגעהענדיג פון דיא שטשערבאַצקיס און צופוס געהענדיג צום ברודער — און איך טויג גאָר ניט פאַר אנדערע מענשען. גדלות, זאָגען זיי. ניין, ביי מיר איז ניטאָ קיין גדלות. אויב עס וואָלט ביי מיר געווען שטאָלץ, וואָלט איך זיך ניט אוועקגעשטעלט אין אזא לאגע.“

און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווראנסקין, אַ גליקליכען, גוטען, קלוגען

און רוהיגען, וועלכער איז וואהרשיינליך קיין מאָל ניט געווען אין אזא שרעקליכער לאַגע, וויא אין דער וואָס ער געפינט זיך דעם דאָזיגען אבענד. „יא, זיא האָט געדארפט איהם אויסוועהלען. אזוי דארף זיין. און צו בעקלאגען זיך האָב איך ניט אויף וועמען און אויף וואָס. שולדיג בין איך אליין. וואָס פאר א רעכט האָב איך געהאט צו דיינקען, אז זיא וועט וועלען פעראייניגען איהר לעבען מיט מיינעם ? ווער בין איך ? וואָס בין איך ? א ניכטסווירדיגער מענש, פאר קיינעם און פאר גאָרנישט ניצליך.“

ער האָט זיך דערמאנט וועגען זיין ברודער ניקאָלאי. „געוויס, פון פראקאפיעס שטאנדפונקט, וועלכער האָט איהם געזעהען אין א צוריסענע פוטער און א שיכור׳ען, איז ער א מיאוסער מענש, אָבער איך קען דאָך איהם אנדערש. איך קען דאָך זיין הארץ און איך ווייס, אז מיר זיינעןביידע עהנליך. און איך, אנשטאט וואָס איך האָב געדארפט פאָהרען אויפזוכען איהם, בין איך גאָר געפאָהרען מיט אבלאנסקי אויף א מאהלצייט און דערנאָך אהער.“

לעווין איז צוגעגאנגען צו דער גאַס־לאנטערנע, האָט איבערגעלעזען דעם ברודערס אדרעס, וועלכער איז געווען אין זיין טייסטער און ער האָט צוגערופען אן איזוואזטשיק. דעם גאנצען לאנגען וועג ביז׳ן ברודער האָט לעווין לעבעדיג עראינערט זיך אַלע פאסירונגען, וועלכע ער האָט געוואוסט פון דעם לעבען פון ברודער ניקאָלאי. ער האָט זיך דערמאנט, וויא זיין ברודער האָט אין אוניווערזיטעט און א יאָהר נאָכ׳ן אוניווערזיטעט געלעבט אזוי וויא א מאנאך, ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיינע חברים האָבען פון איהם חוזק געמאכט, און האָט ערפיעלט אַלע שטרייגנע פאָרשריפטען פון רעליגיאָן, גאָטדינסט, פאסטען און אויסמיידען אַלע תענוגים, בעזונדער אָבער פרויען; און דערנאָך וויא פלוצלונג האָט זיך דאָס אלעס איבערגעבראכען, און ער איז זיך צונויפגעקומען מיט דיא עקעלהאפטסטע מענשען און האָט זיך ארייגגעלאָזען אין דיא אויסגעלאסענסטע צוהולענעס.

ער האָט זיך דערמאנט דערנאָך וועגען א געשיכטע מיט א אינגעל, וועלכען ער האָט גענומען פון דאָרף אום צו ערציהען איהם, און אין אנפאַל פון בייזקייט האָט ער איהם אזוי צו׳הרג׳עט, אז עס האָט זיך אָנגעהויבען געגען איהם א פראָצעס פאר צוקאלעטשען דעם אינגעל. ער האָט זיך דערמאנט דערנאָך אויף דער געשיכטע מיט דעם שולער, וועמען ער האָט פערשפיעלט זיין געלד, האָט איהם ארויסגעגעבען א וועקסעל און האָט אויף איהם דערנאָך אליין דערלאנגט א קלאַגע, אז יענער האָט איהם אויסגענארט. (דאָס איז געווען דאָס געלד, וואָס סערגיי איוואנאָוויטש האָט פאר איהם בעצאהלט.) ער האָט זיך דערנאָך דערמאהנט וויא ניקאלאי איז איינגעשפארט געוואָרען איבער א נאכט, ווען מען האָט איהם ארעסטירט פאר א געשלעג. ער האָט זיך עראינערט וועגען דעם שענדליכען פראָצעס, וועלכען ניקאָלאי האָט אָנגעהויבען פיהרען געגען זיין ברודער סערגיי איוואנאָוויטש פאר דאָס, וואָס יענער האָט כלומרשט ניט אויסגעצאהלט איהם זיין חלק פון דער מוטערס גיטער, און דיא לעצטע מהאט, ווען ער איז אוועקגעפאָהרען דינען אין דעם מעריב־געגענד און איז דאָרט פראָצעסירט געוואָרען פאר שלאָגען א סטארשינא...

# אננא קארעגינא

דאָס אַלעס איז געווען שרעקליך מיאוס, נור לעווין האָט זיך דאָס איצט פאָרגעשטעלט גאָרניט אַזוי, וויא דאָס דאַרף זיך פאָרשטעלען פאַר דיא, וועלכע קענען ניט ניקאָלאַיען און ווייסען ניט זיין גאַנצע געשיכטע, ווייסען ניט זיין האַרץ. לעווין האָט געדיינקט, אַז אין יענער צייט, ווען ניקאָלאַי איז געווען אין דעם צושטאַנד פון פרומקייט, פאַסטען תענתים, מאָנאַכען, אין צערקווע צו גאָטעס־דינסט, ווען ער האָט אין דער רעליגיאָן געזוכט אַ שטיצע, אַ צוים אויף זיין ליידענשאַפטליכער נאַטור, האָט קיינער ניט נור ניט געהאָלפען איהם, נור אַלע, און אפילו ער אַליין, האָבען אָבגעלאַכט פון איהם. מען האָט זיך מיט איהם געריצט, מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען נח, מאָנאַך; און ווען אין איהם האָט זיך אַלעס דורכגעריסען, האָט איהם קיינער ניט געהאָלפען, נור אַלע האָבען מיט שרעק און אָבעקלונג זיך אָבגעקערט פון איהם.

לעווין האָט געפיהלט, אַז זיין ברודער ניקאָלאַי, איז אין גרונד האַרצען, אין סאַמע גרונד פון זיין נשמה, ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצע מיאוסער אויפפיהרונג, ניט געווען מעהר אונגערעכט אַלס יענע מענשען, וועלכע האָבען איהם פעראַכט. ער איז ניט שולדיג געווען אין דעם וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען מיט אַזאַ ניט צוריקגעהאַלטענעם כאַראַקטער און מיט אַ שכל, וועלכער איז פאַרקלעמט פון עפּעס. ער האָט אַבער תמיד געוואָלט זיין גוט. „איך וועל איהם דאָס אַלעס אַרויסזאָגען, און איך וועל איהם צווינגען מיר אַלעס אַרויסצוזאָגען, און איך וועל איהם ווייזען, אַז איך האָב איהם ליעב און דאַרום פאַרשטעה איך איהם", האָט ביי זיך אַליין בעשלאָסען לעווין, צופאָהרענדיג שוין אַ זייגער עלף צום האָטעל, וויא עס איז אָנגעוויזען געוואָרען אין אַדרעס.

— אויבען, נומער 12 און 13 — האָט געענטפערט דער שווייצאַר אויף לעווינס פראַגע.

— איז ער צו הויז?

— אפּנים צו הויז.

דיא טיהר פון נומער 12 איז געווען האַלב־אָפען, און פון דאָרט האָט אין דעם שטרייף פון ליכט אַרויסגעשטראָמט אַ געדיכטער רויך פון שלעכטען און שוואַרצען טאַבאַק און עס האָט זיך געהערט אַ שטימע, וואָס איז געווען לעווינען אונבעקאַנט, אָבער לעווין האָט באַלד דערקענט, אַז זיין ברודער איז דאָ: ער האָט דערהערט זיין אונטערהוסטען.

ווען ער איז אַריין אין טיהר, האָט אַן אונבעקאַנטע שטימע גערעדט:

— אַלעס הענגט אָב דערפון, אויף וויפיעל דיא זאַך וועט געפיהרט ווערן פערנינפטיג און בעוואוסט.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט אַריינגעקוקט און ער האָט דערזעהען אַז דאָס רעדט אַ יונגער מענש מיט אַ גרויסען קאָפּ האָאָר אין אַ פאַדיאָווקע, און אַ יונגע פרוי מיט זומער־שפּרינקלעך, אין אַ וואָלענע קלייד אָהן אַרבעל און קראַגען, זיצט אויפ'ן דיוואַן. דער ברודער האָט זיך ניט געזעהען. ביי קאָנסטאַנטין דאָט פאַרדריקט דאָס האַרץ מיט ווייטאַג ביי דעם איין געדאַנק, אַז אין קרייז פון אַזעלכע פרעמדע מענשען וואָהנט זיין ברידער. קיינער האָט ניט געהערט זיין אַריינקומען, און אָראָ בנעהמענדיג זיינע קאַלאָשען, האָט ער

# אננא קארעני נא

זיך צוגעהערט צו דיא רייד פון דעם יונגענמאן אין פאדריאוקע. ער האט גערעדט עפעס וועגען אן אונטערנעהמונג.

— נו, כאפט זיי דער טייפעל, דיא פריווילעגירטע קלאסען — האט צוהוסטענדיג דערהערט זיך דעם ברודערס שטימע — מאשא, קריג דוא אונז וואס צו עסען און גיב שנאפס, אויב עס איז פערבליבען, אז ניט שיק אריינטראגען.

דיא פרויענצימער האט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צום פאראוואן און האט דערזעהען קאנסטאנטינען.

— עפעס א פריץ, ניקאלאי דמיטריטש — האט זיא געזאגט.

— וועמען דארף ער? — האט בייז א פרעג געטאהן ניקאלאי לעווין.

— דאס בין איך — האט געענטפערט קאנסטאנטין לעווין אריינקומענדיג אין דער־ליכטיגען.

— ווער א י ך? — האט נאך בייזער איבערגעזאגט ניקאלאי. עס האט זיך געהערט וויא ער איז שנעל אויפגעשטאנען, האט זיך פערצעפעט אן עפעס, און לעווין האט דערזעהען פאר זיך אין טהיר דיא גרויסע, מאגערע, קראנקהאפטע געשטאלט פון דעם ברודער, וועלכע איז איהם געווען אזוי בעקאנט און וועלכע האט איהם דאך איבערראשט מיט איהר ווילדקייט און מיט דיא גרויסע, צושראקענע אויגען.

ער איז געווען נאך מאגערער אלס מיט דריי יאהר צוריק, ווען קאנסטאנטין לעווין האט איהם געזעהען דאס לעצטע מאהל. ער האט געטראגען א קורצע זאק. און זיינע הענד, און דיא ברייטע ביינער האבען אויסגעזעהען נאך מאוים'דיגער. דיא האאר זיינען געוואָרען שיטערער; דיזעלביגע גלייכע וואנצעס האבען פערדעקט דיא ליפען; דיזעלביגע אויגען האבען נאאיוו און משונה געקוקט אויף דעם אריינגעקומענעם.

— א, קאסטיא! — האט ער פלוצלונג א זאג געטהאן, דערקענענדיג דעם ברודער, און זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צו לייכטען מיט פרייד. אבער אין דערזעלבער זעקונדע האט ער זיך אומגעקוקט אויף דעם יונגען מענשען און האט געמאכט א נערוועזע בעוועגונג, וועלכע איז געווען אזוי בעקאנט לעווינען, א טרויסעל מיט'ן קאפ און נאקען, אזוי וויא דער האלזטוך וואלט איהם דריקען; און גאר אן אנדער — א ווילדער, ליידענדער און הארטער אויסדרוק האט זיך אבגעשטעלט אויף זיין מאגערען פנים.

— איך האב געשריבען צו אייך און צו סערגיי איוואנאוויטש, אז איך קען אייך ניט און וויל אייך ניט קענען. וואס דארפט איהר?

ער איז געווען גאר ניט אזא, וויא קאנסטאנטין האט איהם זיך פארגעשטעלט. דאס שווערסטע און שלעכטסטע אין זיין כאראקטער, דאס וואס האט געמאכט אזוי שווער צונויפצוריידען זיך מיט איהם, האט קאנסטאנטין גאר געווען פארגעסען, ווען ער האט געטראכט וועגען איהם; און איצט, ווען ער האט דערזעהען זיין פנים, בעזאנדערס דעם נערוועזען קעהר פון זיין קאפ, האט ער זיך דערויף דערמאנט.

— איך דארף דיך ניט זעהען צוליעב קיין זאך — האט שטיל געענטפערט קאנסטאנטין — איך בין געקומען בלויז זעהען דיך און דאס אלעס.

# אננא קארעניגא

דעם ברודערס שטילקייט האָט אפּנים ווייך געמאַכט ניקאָלאיען. ער האָט א מורמעל געטאָהן מיט דיא ליפּען.

— א, דוא ביסט זיך אזוי? — האָט ער געזאָגט — נו, געה אריין, זעץ זיך. ווילסט דוא עסען? מאשא, ברייגג דריי פּאָרציאָן. ניין, וואַרט. דוא ווייסט וועד דאָס איז? — האָט ער זיך געווענדעט מיט א פראגע צום ברודער, אָנווייזענדיג איהם אויף דעם הערר אין דער פּאדדיאָווקע: — דאָס איז הערר קריצקי, מיין פריינד נאָך פון קיעוו. זעהר א מערקווירדיגער מענש. זעלבסטפערשטענדליך, אז איהם פערפאָלגט דיא פּאָליציי, דערפאר ווייל ער איז ניט קיין לומפּ.

און ער האָט זיך, וויא זיין געוועהנהייט איז געוועזען, אומגעקוקט אויף אַלעמען וועד עס איז געוועזען אין הויז. דערזעהענדיג, אז דיא פרוי, וועלכע איז געשטאַנען אין טהיר האָט אָנגעהויבען געהן, האָט ער איהר א געשריי געטאָהן: „וואַרט, האָב איך געזאָגט“.

און ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען דעם ברודער קריצקיס געשיכטע: וויא מען האָט איהם ארויסגעטריבען פון אוניווערזיטעט דערפאר וואָס ער האָט געגרינדעט א געזעלשאַפט צו העלפען אָרעמע סטודענטען און האָט איינגעפיהרט זונטאג־שוהלען, וויא ער איז דערנאָך געוואָרען לעהרער אין א פאָלקס־שוהל, וויא מען האָט איהם דערנאָך אויך פון דאָרט ארויסגעטריבען, וויא מען האָט איהם דערנאָך גע׳משפּט פאר עפּעס אזעלכעס.

— איהר זייט פון קיעווער אוניווערזיטעט? — האָט קאָנסטאנטין לעווין געפרעגט קריצקין אום איבערצורייסען דיא אונבעקוועמע שווייגענהייט.

— יא, געוועזען פון קיעווער — האָט געענטפערט בייז קריצקי, אָן אָנגעבלאָזענער.

— און דיעזע פרוי — האָט איהם איבערגעשלאָגען ניקאָלאי לעווין, אָנווייזענדיג אויף איהר — איז דאָס מיין לעבענס־פריינדין, מאריא ניקאָלאיעווגא. איך האָב זיא ארויסגענומען פון א הויז — און ער האָט נערוועז א צוק געטאָהן מיט׳ן נאַקען, זאָגענדיג עס — אָבער איך ליעב זיא און אַכטע זיא. זיא איז אַלץ איינס וויא מיינע א פרוי. און אַלע, וועלכע ווילען נור מיט מיר קענען זיך, בעט איך אויך צו ליעבען און צו אַכטען יא. נו, איצט ווייסט דוא מיט וועמען דוא האָסט צו טאָהן. און אויב דוא מיינסט, אַז דוא וועסט זיך דערמיט ערניעדריגען איז אַט גאָט און אַט איז דער שוועל.

און זיינע אויגען זיינען ווידער פראַגליך דורכגעלאָפּען אַלעמען.

— פאר וואָס־זשע זאָל דאָס מיך ערניעדריגען, פארשטעה איך ניט.

— דאַן הייס, מאשא, אריינברייגגען אבענדברויט: דריי פּאָרציאָן שנאַפּס און וויין... ניין... וואַרט, ניין... מען דארף ניט... געה.

## 25.

— זעהסט דוא — האָט פאָרטגעזעצט ניקאָלאַי לעווין, קנייטשענדיג דעם שטערן מיט אנשטריינגונג און צוקענדיג מיט דיא גליעדער.

איהם איז אפּנים שווער געווען צו פארשטעהן, וואָס צו זאָגען און וואָס צו טאָהן.

— אָט זעהסט דוא — האָט ער געוויזען אויף דעם ווינקעל פון טהיר, וואו עס זיינען געלעגען פערבונדענע אייזערנע קלעצלעך — זעהסט דוא דאָס? דאָס איז דער אָנפאנג פון אַ נייער אונטערנעהמונג, וועלכע מיר הויבען אָן. דאָס איז

קאָנסטאַנטין האָט כמעט ניט געהערט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין קראַנקדאַפּטען, שווינדזיכטיגען פּנים, און אין איהם האָט זיך ערוועקט אַלץ מעהר און מעהר רחמנות אויף איהם, און ער האָט זיך ניט געקאָנט צווינגען צו הערען דאָס, וואָס דער ברודער האָט איהם גענומען ריידען וועגען זיין נייעם פּלאַן. ער האָט געזעהען, אַז דאָס איז בלויז אַ רעטונגס־אַנקער פאַר איהם, צו רעטען זיך פון פעראַכטונג צו זיך אַליין. ניקאָלאַי לעווין האָט אַלץ גערעדט:

— דוא ווייסט, אַז קאַפּיטאַל שטיקט דעם אַרבייטער. דיא אַרבייטער ביי אונז, דיא מוזשיקעס, טראָגען דעם גאַנצען יאָך פון אַרבייט און זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין אַזאַ לאַגע, וואָס וויפיעל זיי זאָלען ניט אַרבייטען קאָנען זיי ניט אַרויסגעהן פון זייער טהירישער לאַגע. אַלע פּראָפיטען פון דעם אַרבייטס־לוין, דורך וואָס זיי וואָלטען געקאָנט פערבעסערן זייער לעבען, האָבען פרייע צייט און דערמיט אויך האָבען מעגליכקייט צו בילדען זיך — דיא גאַנצע פּראָפיטען פון דער אַרבייט נעהמען דיא קאַפּיטאַליסטען אַוועק פון זיי. און אַזוי האָט זיך פאָרמירט דיא געזעלשאַפט, אַז וואָס מעהר זיי וועלען אַרבייטען, אַלץ רייכער וועלען ווערען דיא סוחרים, דיא גוטבעזיצער און זיי וועלען בלייבען אויף אייביג לאַסט־טהירען. און דיעזע אָרדנונג מוז געענדערט ווערען — האָט ער געענדיגט און האָט פראַגליך אַ קוק געטאָהן אויפ'ן ברודער.

— יא, פאַרשטעהט זיך — האָט געזאָגט קאָנסטאַנטין, איינקוקענדיג זיך אין דער רויטקייט, וועלכע האָט זיך געוויזען אונטער דיא אויסגעסטאַרטשעטע באַקען־ביינער פון זיין ברודער.

— און אָט מאַכען מיר אַ פערבאַנד פון שלאָסערס, וואו דיא גאַנצע פּראָדוקציאָן מיט דעם פּראָפיט און דיא הויפּט מיטלען פון פּראָדוקציאָן, אַלעס וועט זיין געמיינשאַפטליך.

— וואו־זשע וועט זיין דער פערבאַנד? — האָט געפרעגט קאָנסטאַנטין לעווין.

— אין דאָרף וואָזדרעמע, קאַזאַנער גובערניע.

— פאַר וואָס־זשע עפּעס אין דאָרף? אין דיא דערפער, דוכט מיר, איז אַזוי אויך דאָ גענוג וואָס צו טאָהן. צו וואָס דאַרף מען אין דאָרף אַ גענאָסענשאַפט פון שלאָסערס.

— דערפאַר, וואָס דיא פויערן זיינען איצט אויך אַזעלכע שקלאַפען, וויא זיי זיינען פריהער געווען, און דערפאַר איז דאָס פאַר דיר און פאַר סערגיי איוואַ־

נאָוויטש ניט אָנגענעהם, ווייל מען וויל זיי ארויספיהרען פון שקלאַפעריי — האָט געזאָגט ניקאָלאַי לעווין, וועלכער איז אויפגערעגט געוואָרען פאר ווידערשפרעכען איהם.

קאָנסטאנטין לעווין האָט זיך אָבגעזיפצט, בעקוקענדיג אין דערזעלבער צייט דעם צימער, א פינסטערער, א שמוציגער צימער. דער זיפץ האָט דוכט זיך נאָך מעהר צורייצט ניקאָלאַיען.

— איך וויים דיא אריסטאָקראַטישע אנשויאונגען, וועלכע דוא מיט סערגיי איוואַנאָוויטשען האָבען. איך וויים אז ער געברויכט אַלע קרעפטען פון זיין פערשטאַנד אום צו רעכטפערטיגען דיא עקזיסטירענדע איבעל.

— ניין, אָבער צו וואָס רעדסט דוא וועגען סערגיי איוואַנאָוויטשען? — האָט געפרעגט מיט א שמייכעל לעווין.

— סערגיי איוואַנאָוויטש? אָט מחמת וואָס! — האָט פּלוצלונג א געשריי געטאָהן ניקאָלאַי לעווין — אָט מחמת וואָס... נור וואָס איז צו ריידען?... נור איינס... צו וואָס ביסט דוא געקומען אהער צו מיר? דוא האסט דאָס, נו איז שעהן און געה זיך געזונדערהייט, געה! — האָט ער געשריען, אויפהויבענדיג זיך פון שטוהל — און געה, געה!

— איך הויב ניט אָן צו האסען — האָט איינגעהאלטען געענטפערט קאָנסטאנטין לעווין — איך האמפּער זיך גאָר אפילו ניט.

אין דער מינוט האָט זיך צוריקגעקעהרט מאריא ניקאָלאַיעוונא. ניקאָלאַי לעווין האָט בייז זיך אומגעקוקט צו איהר. זיא איז שנעל צו איהם צוגעגאנגען און האָט עפּעס א מורמעל געטאָהן.

— איך בין ניט געזונד און בין געוואָרען נערוועז, ווער שנעל צורייצט— האָט געזאָגט א בערוהיגטער און שווער אטהעמענדיג ניקאָלאַי — און דערצו רעדסט דוא מיר וועגען סערגיי איוואַנאָוויטש און וועגען זיין אַרטיקעל. דאָס איז אזא דומהייט, אזא פאַלשקייט, אזא זעלבסט-נאַרעריי. וויא קאָן שרייבען וועגען גערעכטיגקייט א מענש, וועלכער וויים אַליין ניט קיין גערעכטיגקייט? איהר האָט געלעזען זיין אַרטיקעל? — האָט ער זיך געווענדעט מיט א פראַגע צו קריצקי, ווידער צוזעצענדיג זיך צום טיש און אראָבשארענדיג פון איהם האלב אָנגעשאָטענע פּאפּיראָסען אום צו האָבען א פּלאַץ.

— איך האָב ניט געלעזען — האָט טרויעריג געזאָגט קריצקי, וויא עס שיינט ניט וועלענדיג אריינצוגעהן אין א געשפּרעך.

— פאַר וואָס? —- האָט איצט אָן אויפגערעגטער א ווענד געטאָהן זיך צו קריצקי׳ן ניקאָלאַי לעווין.

— דערפאַר ווייל איך רעכען ניט פאר נויטיג צו פארשווענדען צייט דערויף.

— דאָס הייסט, ערלויבט נור, פון וואנען ווייסט אידר, אז דאָס וועט זיין א פערשווענדונג פון צייט? פאַר פּיעלע איז דער אַרטיקעל אונפערשטענדליך, ד. ה. העכער פון זיי.

— אָבער איך, אקוראַט פאַרקעהרט, איך זעה זיינע געדאנקען דורך און דורך און וויים פאר וואָס דער אַרטיקעל איז שוואך.

# אננא קארענינא

אַלע זיינען אַנשוויגען געוואָרען. קריצקי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען און האָט אַ נעהם געטאָהן זיין היטעל.

— ווילט איהר ניט עסען קיין אַבענדברויט ? — נו, זייט געזונד. מאָרגען קומט מיט דעם שלאָסער.

וויא נור קריצקי איז ארויסגעגאַנגען, האָט ניקאָלאַי לעווין אַ שמייכעל געטאָהן און האָט אונטערגעווינקט.

— טויג אויך ניט — האָט ער אַ זאָג געטאָהן — איך זעה דאָך...

נור אין דער מינוט האָט אין טיהר איהם אַ רוף געטאָהן קריצקי.

— וואָס נאָך דאַרפט איהר ? — האָט ער געזאָגט און איז ארויס געגאַנ-גען צו איהם אין קאָרידאָר. בלייבענדיג אַליין מיט מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט ער זיך צו איהר אַ ווענד געטאָהן :

— און איהר זייט שוין לאַנג מיט'ן ברודער ? — האָט ער געפרעגט.

— אָט שוין דאָס צווייטע יאָהר. זייער געזונד איז זעהר שוואַך געוואָרען. זיי טרינקען פיעל — האָט זיא געענטפערט.

— דאָס הייסט וויא טרינקט ?

— בראַנפען טרינקען זיי, און דאָס איז פאַר זיי שעדליך.

— טרינקט ער דען זעהר פיעל ? — האָט שטיל געפרעגט לעווין.

— יא, — האָט זיא געזאָגט, קוקענדיג צו דער טהיר, וואו עס האָט זיך געוויזען ניקאָלאַי לעווין.

— וועגען וואָס רעדט איהר דאָ ? — האָט ער געזאָגט בייזליך און האָט מיט צושראָקענע אויגען געקוקט פון איהם אויף דעם אַנדערן — וועגען וואָס, האַ ?

— וועגען קיין זאַך ניט — האָט אין פערלעגענהייט געענטפערט קאָנ-סטאַנטין.

— נו, איהר ווילט ניט זאָגען איז וויא איהר ווילט זיך. נור דוא האָסט ניט מיט איהר וואָס צו ריידען. זיא איז אַ מויד, און דוא ביסט אַ פריץ — האָט ער געזאָגט צוקענדיג מיט'ן נאַקען. — דוא, וויא איך זעה, האָסט אַלעס גע-זעהען, אָבגעשעצט, פערשטאַנען און האָסט זיך בעצויגען צו מיינע פערבלאָנדזשונ-גען מיט רחמנות — האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו ריידען, מיט אַ געהעכערטער שטימע.

— ניקאָלאַי דמיטריטש, ניקאָלאַי דמיטריטש — האָט ווידער שטיל צו איהם געמורמעלט עפּעס מאַריא ניקאָלאַיעוונא.

— נו, גוט, גוט, אָבער וואָס איז שוין מיט אַבענד-ברויט ? אַ, אָט איז ער — האָט ער אַ זאָג געטאָהן דערזעהענדיג דעם לאַקיי מיט אַ טאַץ עסען — אהער, אהער, שטעל אוועק — האָט ער אַ זאָג געטאָהן מיט כעס און האָט אויס-געטרונקען אַ גלעזעל שנאַפּס דורשטיג — טרינק אויס, ווילסט דוא ? — האָט ער זיך געווענדעט צום ברודער, ווערענדיג גלייך פרעהליכער — נו זאָל זיין גענוג צו ריידען וועגען סערגיי איוואַנאָוויטש. איך בין פון דעסטוועגען גערן דיך צו זעהען. וואָס דוא זאָלסט דאָרט ניט ריידען, אָבער דאָך זיינען מיר ניט קיין פרעמדע. נו, טרינק דאָך. דערצעהל, וואָס דוא טהוסט ? — האָט ער פאָרטגע-

# אננא קארענינא

זעצט, זשעדנע קייענדיג אַ שטיקעל ברויט און אַנגיסענדיג נאָך אַ גלעזעל — נו, וויא געהט עס דיר?

— איך לעב אַליין אין דאָרף, וויא איך האָב פריהער געלעבט, איך באַשעפטיג זיך מיט ווירטהשאַפט — האָט געענטפערט קאָנסטאַנטין מיט שרעק צוקוקענדיג צו דער זשעדניקייט, מיט וועלכער דער ברודער האָט געטרונקען און געגעסען און האָט געזוכט צו בעהאַלטען זיין אויפמערקזאַמקייט.

— פאַר וואָס האָסט זוא ניט חתונה?

— עס האָט זיך ניט געמאַכט — האָט געענטפערט קאָנסטאַנטין, רויט ווערענדיג.

— פאַר וואָס? מיר — אַ סוף. איך האָב מיין לעבען פערדאָרבען. דאָס האָב איך געזאָגט און וועל זאָגען, אַז אויב מען וואָלט מיר דאַן געגעבען מיין טהייל, ווען מיר איז דאָס נויטהיג געווען, וואָלט מיין גאַנצעס לעבען געווען גאָר אַנדערש.

קאָנסטאַנטין האָט זיך געאיילט צו ענדערען דעם געשפּרעך.

— און דוא ווייסט, אַז דיין וואַניושאַ איז ביי מיר אין פּאָקראָווסק אַ קאָנטאָרשטשיק? — האָט ער אַ פרעג געטהאָהן.

ניקאָלאַי האָט אַ צוק געטהאָהן מיט'ן נאַקען און האָט זיך פערטראַכט.

— יאָ, דערצעהל מיר וואָס טהוט זיך אין פּאָקראָווסק? וואָס, עס שטעהט נאָך אַלץ דאָס הויז און דיא בעריאָזעס, און אונזער קלאַססנער צימער? און פיליפּ דער גערטנער לעבט נאָך? וויא מיר געדיינקט זיך נאָך דאָס גאַרטען־שטיבעל און דער דיוואַן!... זעה־זשע, דוא זאָלסט גאָרנישט ניט ענדערן אין הויז, נור דו זאָלסט וואָס גיכער חתונה האָבען און ריכט איין אַלעס אין הויז וויא עס איז געווען. איך וועל דעמאָלט קומען צופאָהרען צו דיר, אויב דוא וועסט האָבען אַ גוטע פרוי.

— קום־זשע איצט צו מיר צופאָהרען — האָט געזאָגט לעווין — וויא גוט מיר וואָלטען זיך איינאָרדנען!

— איך וואָלט צו דיר געקומען, ווען איך וואָלט וויסען, אַז איך וועל ניט טרעפען דאָרט סערגיי איוואַנאָוויטשען.

— דוא וועסט איהם דאָרט ניט געפינען. איך לעב אין גאַנצען אונאַבהענגיג פון איהם.

— יאָ, אָבער וויא דוא זאָלסט ניט ריידען, מוזט דוא אויסוועהלען צווישען מיר און איהם — האָט ער געזאָגט, קוקענדיג געלאַסען דעם ברודער אין דיא אויגען.

דיעזע געלאַסענהייט האָט גערירט קאָנסטאַנטינען.

— אויב דוא ווילסט וויסען מיין גאַנצען ווידוי אין דער הינזיכט, וועל איך דיר זאָגען, אַז אין אייער האַמפּעריי מיט סערגיי איוואַנאָוויטש שטעה איך אויף קיין צד ניט, ניט אויף זיינעם און ניט אויף דיינעם. איהר זייט ביידע אונגערעכט. דוא ביסט מעהר אונגערעכט אויסערליך און ער מעהר אונגערעכט איינערליך.

— אַ, אַ, דו האָסט דאָס פערשטאַנען, דו האָסט דאָס פערשטאַנען — האָט מיט שמחה אָנגעהויבען צו שרייען ניקאָלאַי.

— אָבער איך פערזענליך, אויב דו ווילסט וויסען, האַלט טהייערער מיין פריינדשאַפט מיט דיר, דערפאַר וואָס...

— פאַר וואָס? פאַר וואָס?

קאָנסטאַנטין האָט ניט געקאָנט זאָגען, אַז דערפאַר ווייל ניקאָלאַי איז אונגליקליך און ער נויטיגט זיך אין פריינדשאַפט. אָבער ניקאָלאַי האָט פערשטאַנען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען און אָנבלאָזענדיג זיך, האָט ער זיך ווידער גענומען פאַר דיא בראַנפען.

— גענוג, ניקאָלאַי דמיטריטש — האָט געזאָגט מאַריא ניקאָלאַיעוונא, אויסציהענדיג איהר נאַקעטע ווייכע האַנד צום פלעשיל.

— לאָז, שטעה ניט צו! איך וועל הרג'ענען! — האָט ער אַ געשריי געטאָהן.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט אַ שמייכעל געטאָהן מיט אַ ווייכען, גוטהערציגען שמייכעל, וועלכער האָט זיך איבערגעגעבען אויף ניקאָלאַיען, און זיא האָט צוגענומען דיא בראַנפען.

— דו מיינסט דאָך, אַז זיא פאַרשטעהט גאָרנישט? — האָט געזאָגט ניקאָלאַי — זיא פאַרשטעהט דאָס אַלעס בעסער פאַר אונז אַלע. ניט אמת, אַז אין איהר איז פאַראַן עפּעס גוטעס, ליעבליכעס?

— איהר זייט פריהער קיין מאָהל געוועזען אין מאָסקווע? — האָט איהר געזאָגט קאָנסטאַנטין, אום עפּעס צו זאָגען.

— נו, ניט זאָג צו איהר „איהר“. זיא האָט פאַר דאָס מורא. איהר האָט קיינער, אויסער דעם ריכטער, ווען ער האָט זיא געמשפּט פאַר וואָס זיא האָט געוואָלט אַוועקגעהן פון פּראָסטיטוציאָנס הויז, קיין מאָל קיינער ניט געזאָגט „איהר“. מיין גאָט, וואָס פאַר אַן אונזינן דאָס איז אויף דער וועלט! — האָט ער פלוצלונג אַ געשריי געטאָהן — אָט דיא נייע איינריכטונגען, דיא דאָזיגע פריעדענס-ריכטער, וואָס פאַר אַ שענדליכקייט דאָס איז!

און ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען זיינע צוזאַמענשטויסונגען מיט דיא נייע איינריכטונגען.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט איהם געהערט, און יענע אבלייקענונג פון אַ זינען אין דיא נייע איינריכטונגען, וועלכע ער האָט געטהיילט מיט איהם און האָט דאָס אַליין וויפיעל מאָהל ארויסגעזאָגט, איז איהם איצט געווען אונאַנגענעהם צו הערען פון ברודער'ס ליפּען.

— אויף יענער וועלט וועלען מיר דאָס אַלעס פערשטעהן — האָט ער געזאָגט אין שפּאַס.

— אויף יענער וועלט? אַך, איך ליעב ניט יענע וועלט! איך ליעב ניט — האָט ער געזאָגט אָנשטעלענדיג זיינע צושראָקענע, ווילדע אויגען אויף דעם ברודערס פּנים — און אָט דוכט זיך, אַז אַוועקגעהן פון דער דאָזיגער שענדליכקייט און פון דעם פּלאָנטער פון אייגענע און פון פרעמדע, וואָלט דאָך געווען, דוכט זיך, זעהר גוט, פון דעסטוועגען האָב איך מורא פאַר'ן טויט, שרעקליך מורא

פאר'ן טויט — ער האט א ציטער געטאהן — נו, טרינק דאך אויס וואס ניט איז. ווילסט דוא שאמפאניער? אדער מיר ווע‍לען נאך פאהרען וואוהין עס איז? לאמיר פאהרען צו דיא ציגיינער! ווייסט דוא, איך האב זעהר ליעב בעקומען ציגיינער און רוסישע געזאנג.

זיין צונג האט זיך אנגעהויבען צו פלאנטערען און ער האט אנגעהויבען איבערשפרינגען פון איין געגענשטאנד אויף דעם אנדערען. קאנסטאנטין האט מיט דער הילף פון מאשא איהם איינגערעדט ערגעץ ניט צו פאהרען און האט איהם אוועקגעלייגט שלאפען שוין לחלוטין א שיכור'ען.

מאשא האט פערשפראכען צו שרייבען קאנסטאנטינען אין א פאל פון נויט און איינצוריידען ניקאלאיען, ער זאל אריבערפאהרען וואהנען צום ברודער.

## 26.

אין־דער־פריה האט קאנסטאנטין לעווין פערלאזען מאסקווא און איז צו אבענד שוין געווען אין־דער־היים. אויפ'ן וועג אין וואגאן האט ער געשמועסט מיט זיינע מיטרייזענדע וועגען פאליטיק, וועגען דיא נייע אייזענבאהנען, און, דא אויך, וויא אין מאסקווא איז ער בעוועלטיגט געווארען פון א מין פלאנטער פון מיינונגען און בעגריפע, פון אן אונצופריעדענהייט מיט זיך אליין, פון שאנדע פאר עפעס; נור ווען ער איז ארויס פון צוג אויף זיין סטאנציע האט ער דערקענט דעם הינקענדיגען קוטשער איגנאט, מיט אן אויפגעשטעלטען קאלנער פון קאפטען, און ווען ער האט דערזעהען אין דונקעלען ליכט, וואס איז געפאלען פון דיא פענסטער פון סטאנציע, זיין שליטעל מיט טעפיך אויסגעבעט, זיינע פערד מיט דיא אונטערגעבונדענע עקען אין א געשפאן מיט דינגעלעך און פרענזלעך, ווען דער קוטשער איגנאט האט איהם דערצעהלט דיא נייעס פון דארף, וויא עס האט זיך אבגעקעלבט פאווא — האט ער דערפיהלט, וויא דער פלאנטער וואס איז ביי איהם אין קאפ ווערט קלעהרער און דיא שאנדע און דיא אונצופריעדענהייט מיט זיך זעלבסט געהט אריבער.

דאס האט ער דערפיהלט וויא ער האט נור דערזעהען איגנאטען און דיא פערד; און ווען ער האט אנגעטאהן דעם פעלץ, וואס איגנאט האט איהם געבראכט, האט זיך אריינגעזעצט אן אנגעפעלצטער אין שליטען און איז אוועקגעפאהרען, טראכטענדיג וועגען דיא ארבייט וואס ער וועט דארפען טאהן אין זיין ווירטה־שאפט, האט ער גאנץ אנדערש אנגעהויבען צו פארשטעהן דאס וואס מיט איהם איז פארגעקומען. ער האט זיך ווידער געפיהלט ביי זיך און האט ניט געוואלט זיין קיין אנדערער אלס ער איז. ער האט געוואלט בלויז איצט זיין בעסער, איי־דער ער איז פריהער געוועזן. ערשטענס האט ער בעשלאסען, אז ער וועט מעהר ניט האפען אויף אונגעוועהנליכע גליקען, וועלכע דיא הייראטה וואלט איהם גע־קאנט געבען און דארום וועט ער ניט אזוי אונצופריעדען זיין מיט זיין געגענ־

ווערטיגען לעבען. צווייטענס וועט ער זיך מעהר קיין מאָהל ניט ערלויבען היננעריסען צו ווערן פון דער מיאוס'ער ליידענשאַפט, דיא עראינערונג פון וועלכער האָט איהם אַזוי געמאַטערט, ווען ער האָט זיך געקליבען ערקלעהרען זיך אין ליעבע און מאַכען אַ פאָרשלאַג.

דערנאָך דערמאָנענדיג זיך אויף זיין ברודער ניקאָלאַי האָט ער אַליין ביי זיך בעשלאָסען, אַז ער וועט זיך קיין מאָל ניט ערלויבען פאַרגעסען איהם, אַז ער וועט איהם קיין מאָל ניט ארויסלאָזען פון זינען אום צו זיין פאַרטיג צו העלפען איהם אַזוי גיך וויא איהם וועט ווערען שלעכט. און דאָס וועט זיין גיך, האָט ער געפיהלט. און דערצו אויך דעם ברודערס רייד וועגען קאָמוניזם, צו וועלכען ער האָט זיך דאַן פערהאַלטען גלייכגילטיג, האָבען איהם איצט געצוואונגען צו פערטראַכטען זיך וועגען דעם.

ער האָט גערעכענט דיא ענדערונג פון דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען פאַר אַ נאַרישקייט; ער האָט אָבער געפיהלט שטענדיג דיא אונגערעכטיגקייט פון דעם אונטערשיעד, וואָס ער האָט איבעריגע אין פערגלייך מיט דער אָרעמקייט פון פאָלק און ער האָט איצט בעשלאָסען פאַר זיך, אַז אום ער זאָל זיך פיהלען גערעכטיג, הגם ער האָט אויך פריהער פיעל געאַרבייט און בעשיידען געלעבט, וועט ער איצט נאָך מעהר אַרבייטען און וועט זיך נאָך וויינציגער וואוילטאָג ערלויבען. און דאָס אַלעס האָט איהם אויסגעוויזען פאַר אַזוי לייכט צו טאָהן מיט זיך, אַז ער האָט דעם גאַנצען וועג פערבראַכט אין דיא בעסטע טרוימעריי. מיט אַן ערפרישענדען האָפענונגס־געפיהל פיר אַ נייעם, גוטען לעבען איז ער אַ זייגער נייען ביינאַכט צוגעפאָהרען צו זיין הויז.

פון דיא פענסטער פון אגאַפיא מיכאַילאָוונא'ס צימער, איז געפאַלען דאָס ליכט אויף דעם שנעע פון דעם צופאָהר־פּלאַץ וואָס איז לעבען הויז. אגאַפיא מיכאַילאָוונא איז געוועזן דיא אַלטע עקאָנאָמקע. זיא האָט נאָך ניט געשלאָפען. זיא האָט אויפגעוועקט קוזמא'ן, וועלכער איז אַ פערשלאָפענער, אַ באָרפוסער ארויסגעלאָפען אויפ'ן גאַניק. דיא צויג לאַסקא, שיער ניט אַראָבשלאָגענדיג פון דיא פיס קוזמען, איז אויך ארויסגעשפרונגען און האָט געסקאַוויטשעט, האָט זיך געריבען פערביי זיינע קניע, האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געוואָלט, אָבער האָט ניט געוואַגט ארויפלייגען איהרע פאָדערסטע לאַפּעס אויף זיין ברוסט.

— שנעל, טאַטעלע, האָט איהר זיך עפּעס צוריקגעקעהרט — האָט געזאָגט אַגאַפיא מיכאַילאָוונא.

— איך האָב זיך פאַרביינקט אגאַפיא מיכאַילאָוונא. צו גאַסט איז גוט, אָבער אין־דער־היים איז נאָך בעסער — האָט ער איהר געענטפערט און איז דורכגעגאַנגען צום קאַבינעט.

דער קאַבינעט איז לאַנגזאַם בעלויכטען געוואָרען פון אַ געבראַכטע ליכט. עס האָבען ארויסגעטראָטען דיא בעקאַנטע קליינינגקייטען: הירשען־הערנער, פּאַליצעס מיט ביכער, אַ שפּיעגעל, אַן אויווען מיט אַ לופט־טיהרעל, וועלכען מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט פעררריכטען, דעם טאַטענס דיוואַן, דער גרויסער טיש, אויפ'ן טיש געעפענטע ביכער, דיא צובראָכענע אַש־קעסטעל, אַ העפט מיט זיין האַנדשריפט. ווען ער האָט דאָס אַלעס דערזעהען, האָט ער אַ צווייפעל געטאָהן,

אויב ער וועט קאָנען אָנהויבען פיהרען יענעם לעבען, וועגען וועלכען ער האָט געטרוימט אונטער־וועגס. אַלע אָט דיא שפּורען פון זיין לעבען האָבען איהם אַזוי וויא ארומגעכאַפּט, און האָבען איהם געזאָגט: „ניין, דוא וועסט פון אונז ניט אַוועק און דוא וועסט ניט זיין קיין אַנדערער, דוא וועסט זיין ווייטער אַזאַ וויא דוא ביסט געוועזען: מיט ספקות, מיט אייביגע אונצופריעדענהייט מיט זיך גופא, מיט דיא אומזיסטע פערזוכען אויסצובעסערען זיך און ווידער זינקען און מיט דעם אויביגען ערוואַרטונג פון גליק, וועלכער גיט זיך דיר ניט און איז דיר אונמעגליך.“

אָבער דאָס האָבען גערעדט בלויז זיינע זאכען; אַנ׳אַנדער שטימע האָט אָבער ביי איהם אין האַרצען גערעדט, אַז מען דאַרף ניט באַהערשט זיין פון דאָס פערגאַנגענע און אַז מיט זיך קאָן מען אַלעס מאַכען. און, געהאָרכזאַם צו דיעזער שטימע, איז ער צוגעגאַנגען צום ווינקעל, וואו עס זיינען ביי איהם געשטאַנען פּודאָווע וואָג־אייזענס און ער האָט אָנגעהויבען צו מאַכען מיט זיי גימנאַסטיק, האָט זיי אויפגעהויבען גימנאַסטיש, זוכענדיג צו ברייגגען זיך אין אַ מונטערן צושטאַנד. הינטער דער טיהר האָבען געסקריפּעט טריט. ער האָט אויף גיך אַוועקגעלייגט דיא וואָג־אייזענס.

עס איז אַריינגעקומען דער פּריקאַזטשיק און האָט געמעלדעט, אַז אַלעס איז גאָט צו דאַנקען אין אָרדנונג, נור האָט אויך געלאָזט וויסען איהם אַז דיא רעטשקע אין דעם נייעם טריקענונגס־פּלאַץ איז צוגעברענט געוואָרען. דיעזע נאַכריכט האָט אויפגערעגט לעווינען. דיא נייע טריקענונגס־געביידע איז געוועזען אויסגעבויט און געפּלאַנט טהיילווייז פון לעווינען אליין. דער פּריקאַזטשיק איז געוועזען אימער געגען אָט דעם נייעם טריקענונגס־ בנין, און ער האָט איצט מיט בעהאַלטענער שמחה דאָס ערקלעהרט, אַז דיא רעטשקע איז צוגעברענט געוואָרען. לעווין איז געוועזען פעסט איבערצייגט, אַז דיא אורזאַכע דערפון איז, ווייל מען פאָלגט ניט אַזוי וויא ער האָט געהייסען טאָהן שוין צום הונדערטען מאָל. איהם איז דאָס געוואָרען פערדרוסליך און ער האָט דעם פּריקאַזטשיק געמאַכט אַן אויסרייד. אָבער איין פרעהליכע און וויכטיגע זאַך האָט פּאַסירט: פּאַווא האָט זיך אָבגעקעלבט, דיא בעסטע, טהייער געקויפטע קוה.

— קוזמאַ, גיב מיר דעם פּעלץ. און איהר הייסט אַקאָרשט נעהמען דיא לאַנטערנע, איך וועל געהן אַ קוק טאָהן — האָט ער געזאָגט דעם פּריקאַזטשיק.

— דיא שטאַהל פאַר דיא טהייערע בהמות איז געוועזען באַלד הינטערן הויז. דורכגעהענדיג דורכ׳ן הויף, פערביי דעם גראָבען, לעבען דיא מאַיאָווע קוסטעס, איז ער צוגעגאַנגען צו דער פיה־שטאַהל. עס האָט אַ בלאָז געטאָהן מיט דער וואַרעמער פּאַרע פון פיס־מיסט, ווען עס האָט זיך אָן עפען געטאָהן דיא פערפראָרענע טיהר, און דיא בהמות, פערוואונדערטע פון דאָס אונגעוועהנליכע ליכט פון לאַנטערנע, האָבען זיך אָנגעהויבען באַוועגען אויף דער פרישער שטרוי. עס האָט אַ בלאַנק געטאָהן דער שוואַרץ־גלאַנציגער רוקען פון דער האָלענדער קוה. דער בייק, בערקוט, איז געלעגען מיט דעם רונג אין ליפּ און האָט געוואָלט אויפהייבען זיך, האָט אָבער זיך באַדיינקט, האָט אַ פּאָאַר מאָהל אַ דישע געטאָהן, ווען מען איז פערביי געגאַנגען. דיא רויטע שעהנהייט, דיא אונגעהייער גרויסע, וויא אַ היפּאַ־

פאטאמוס פאווא, האט זיך א קעהר געטאהן מיט'ן הינטער־טהייל, האט פארשטעלט דאס קעלבעל פון דיא אריינגעקומענע און האט איהם באשמעקט.

— ליבט צו אהער, פיאדאר, דיא לאנטערנע אהער — האט געזאגט לעווין בעקוקענדיג דאס קעלביל — געראטען אין דער מוטער! עס מאכט נישט, וואס דיא פארב איז אין פאטער געראטען. זעהר א שעהנעס. וואסילי פעדראראוויטש, דאך שעהן, יא? — האט ער זיך געווענדעט צו דעם פריקאזטשיק אין גאנצען ווערענדיג מיט אירע [illegible]לום וועגען דיא רעטשקע אונטער דער ווירקונג פון דער שמחה מיט'ן קעלב.

— אין וועמען האט . דען געקאנט איינגעבען זיך מיאוס צו זיין? און כעמיאן, דער הענדלער, איז שוין דא געוועזן אויף דעם צווייטען טאג נאך אייער אוועקפאהר.

דיא איין פראגע האט שוין אריינגעפיהרט לעווינען אין אלע אייגצעלהייטען פון דער ווירטהשאפט, וועלכע איז געוועזן גרויס און פיעלפאכיג; און ער איז פון פיה־שטאהל אוועק גלייך אין קאנטאר און דורכריידענדיג זיך מיט דעם פריקאזטשיק וועגען סעמיאנען, האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין הויז און איז ארויף גלייך אויבען אין זאאל אריין.

## 27.

דאס הויז איז געוועזן אן אלטער, גרויסער בנין, און הגם לעווין האט געוואהנט אליין, האט ער אבער בעהייצט און פערוואהנט דאס גאנצע הויז. ער האט געוואוסט, אז דאס איז נאריש; ער האט זאגאר געוואוסט, אז דאס הויז איז ניט גוט און איז מיאוס לויט דיא איצטיגע פלענער, אבער דאס הויז איז פאר לעווינען געוועזן א גאנצע וועלט. דאס איז געוועזן דיא וועלט, אין וועלכער עס האבען געלעבט זיינע פערשטארבענע פאטער און מוטער. זיי האבען געפיהרט יענעם לעבען, וועלכעס האט פאר לעווינען געדוכט זיך אלס דער אידעאל פון פאלקאמענהייט און לויט וועלכען ער האט געוואלט אויך לעבען מיט זיינער א פרוי, מיט זיין פאמיליע.

לעווין האט קוים וואס געקענט געדיינקען זיין מוטער. דיא פארשטעלונג וועגען איהר איז פאר לעווינען געוועזן א הייליגע עראינערונג, און זיין צוקינפטיגע פרוי האט געדארפט זיין, וויא ער האט זיך פארגעשטעלט, א ווידערהאלונג פון יענעם פרעכטיגען, הייליגען אידעאל פון א פרויענצימער, וויא עס איז געוועזן זיין מוטער.

לעווין האט ניט נור ניט געקאנט פארשטעלען זיך ליעבע אהן הייראטה, נור ער האט זיך פריהער פארגעשטעלט א פאמיליע, און דערנאך שוין יענע פרוי, וועלכע וועט איהם ברייגגען דיא פאמיליע. זיין בעגריעף וועגען חתונה איז דעריבער ניט געוועזן וויא דער בעגריעף פון דיא מעהרסטע פון זיינע בעקאנטע, פאר

# אננא קארענינא

וועלכע חתונה האבען איז גענוועזן איינע פון דיא אלגעמיינע לעבענס-פארערונגען. פאר לעווינען איז דאס געווען דיא הויפט זאך פון לעבען, פון וואס עס העננט אב דער גאנצער גליק פון לעבען. און איצט מוז ער זיך דערפון ענטזאגען.

ווען ער איז אריין אין דעם קליינעם גאסט-צימער, וואו ער פלעגט אימער טרינקען טהעע, און האט זיך אריינגעזעצט אין זיין פוטעל מיט׳ן בוך אין האנד, און אגאפיא מיכאילאָוונא האט איהם געבראכט טהעע און מיט איהר געוועהנלי־כען: „און איך וועל זיך צוזעצען, טאטעלע" האט זיא זיך געזעצט אויפ׳ן שטוהל לעבען פענסטער, האט ער דערפיהלט, אז וויא זאָנדערבאר דאס זאל ניט זיין, האט ער זיך אבער אין דער ווירקליכקייט ניט צושיידט מיט זיינע טרוימערייען און אז ער קאן אהן זיי ניט לעבען. מיט איהר אדער מיט אן אנדרערער, אבער דאס וועט געשעהען. ער האט געלעזען דעם בוך, האט געטראכט וועגען דעם וואס ער האט געלעזען, אבשטעלענדיג זיך כדי צו הערען וואס אגאפיא מיכאי־לאָוונא זאגט; זיא האט ניט מיעד ווערענדיג געפלוידערט און צוזאמען דערמיט זיינען פערשיעדענע פאמיליען-בילדער ארויסגערופען געווארען אין זיין פאר־שטעלונג. ער האט געפיהלט, אז אין דער טיפענים פון זיין זעעלע האט זיך עפעס פעסט איינגעשטעלט, איינגעמאסטען און איינגעלייגט.

ער האט געהערט דעם געשפרעך פון אגאפיא מיכאילאָוונא וועגען דעם וויא פראכאר האט גאר אויף גאט פארגעסען, און פאר דאס געלד וואס לעווין האט איהר געשיינקט צו קויפען א פערד, שיכור׳ט ער אהן א אויפהער און האט גע־שלאגען זיין ווייב מכות אכזריות; ער האט געהערט, לעזענדיג דעם בוך און האט אין דערזעלבער צייט דערמאהנט זיך דעם גאנצען גאנג פון זיינע געדאנקען, וועלכע האבען זיך אין איהם ערוועקט פון לעזען. דער בוך, וועלכען ער האט גע־לעזען, איז געווען טינדאלס ווערק וועגען ווארעמקייט. ער האט זיך דערמאהנט וויא ער האט קריטיקירט-טינדאלען פאר זיין זעלבסט-צופריעדענהייט אין דער פלינקקייט פון מאכען עקספערימענטען און פאר וואס איהם פעהלט א פילאזאפי־שער בליק.

און פלוצלונג איז איהם ארויפגעשוואומען אויפ׳ן זינען א פרעהליכער געדאנק: „אין צוויי יאהר ארום וועלען ביי מיר זיין אין סטאדע צוויי האלענדער קיה, פאווא אליין קאן זיין זאל נאך אויך דאן לעבען, צוועלף יונגע בערקוטאווע קעלבער — א וואונדער!" און ער האט זיך ווידער גענומען פאר׳ן בוך: „נו, גוט, עלעקטריציטעט און ווארעמקייט איז דיזעלביגע זאך; צו קאן מען אבער פאר דער לייזונג פון דער פראגע אוועקשטעלען איינעם אנשטאט דאס אנדרערע? ניין. נו, איז וואס קומט ארויס דערפון? אז עס איז פאראן א שיכות צווישען אלע קרעפטען פון דער נאטור, פיהלט מען דאך אינסטינקטיוו אזוי אויך... בעזונדער אנגענעהם וועט זיין ווען פאוואס טאכטער וועט שוין זיין א רויטע בהמה, און דיא גאנצע סטאדע, אין וועלכער עס וועלען אריינקומען דיא דאזיגע דריי! פראכט־פול! ארויסגעהן מיט דער פרוי און געסט בעגעגנען דיא סטאדע... דיא פרוי וועט זאגען: איך מיט קאסטיען האבען וויא א קינד אויסגעהאָדעוועט דאס דא־זיגע קעלבעל. וויא קאן דאס אייך אזוי שטארק אינטערעסירען? וועט זאגען דער

גאַסט. אַלעס וואָס אינטערעסירט איהם, אינטערעסירט אויך מיך. וועט זיא ענט־פערן. אָבער ווער איז זיא ?"

און ער האָט זיך דערמאָהנט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע...

„נו, וואָס קאָן מען מאַכען ?... איך בין ניט שולדיג. אָבער איצט וועט אַלעס אָוועקגעהען גאָר אויף א נייעם אופן. דאָס זיינען נאַרישקייטען, אַז דער לעבען וועט שטערען, אַז דיא פערגאנגענהייט וועט ניט דערלאָזען. מען דארף קעמפפען כדי בעסער צו לעבען..." ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט זיך פער־טראַכט. דיא אַלטע צוויג לאַסקאַ, וועלכע האָט נאָך ניט אין גאנצען איבערגעקאכט דיא שמחה און איז ארומגעלאָפען איבער'ן הויף אויסצובילען זיך אַביסעל, האָט זיך איצט אומגעקעהרט, דרעהענדיג מיט'ן עק און אריינברייגענדיג מיט זיך דעם גערויך פון דרויכען־לופט, איז צוגעגאנגען צו איהם, האָט אונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער זיין האַנד, רחמנות'דיג אונטערגעסקאָוויטשעט און געפאָדערט ער זאָל זיא צערטלען, לאַסצען.

— בלויז וואָס ער רעדט ניט — האָט געזאָגט אגאפיא מיכאילאָוונא — און א הונד... אָט פארשטעהט ער דאָך, אַז דער בעל־הבית איז געקומען צו פאָה־רען אין איהם איז אומעטיג.

— פאר וואָס־זשע אומעטיג ?

— זעה איך דען ניט, טאַטעלע ? שוין צייט איך זאָל קענען דיא פּריצים. פון קליינוויז אויף צווישען דיא פּריצים אויסגעוואַקסען. נישטקשה, טאַטעלע, וואָלט נור אזוי ניט פעהלען קיין געזונד, אָבער דער געוויסען איז ריין.

לעווין האָט זיך גוט צוגעקוקט צו איהר, וואונדערענדיג זיך וויא זיא האָט פערשטאַנען זיינע געדאַנקען.

— וואָס־זשע, ברייגען נאָך טהעע'לע ? — האָט זיא געזאָגט, נעהמענדיג דיא טאַסס און איז ארויסגעגאנגען.

לאַסקאַ האָט אַלץ אונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער זיין האַנד; ער האָט זיא געגלעט, און זיא האָט דאָ גלייך לעבען זיינע פיס צונויפגעדרעהט זיך וויא א בויגעל, אוועקלעגענדיג דעם קאָפּ אויף דער ארויסגערוקטער הינטערשטער לאַפּע. און אלס צייכען, אַז איצט איז שוין אַלעס גוט, האָט זיא עטוואָס צועעפענט איהר מויל, האָט א טשמאַקע געטאָהן מיט דיא ליפען און איז געוואָרען שטיל אין מיל־דער רוהיגקייט. לעווין האָט אויפמערקזאם נאָכגעפאָלגט נאָך איהר דאָזיגער לעצ־טער בעוועגונג.

— אַזוי איז עס מיט מיר אויך ! — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין — אַזוי איז דאָס מיט מיר אויך ! נישטקשה... אַלעס גוט.

.28

נאָך דעם באָל, גלייך אין־דער־פריה, האָט אַננאַ ארקאדיעוונאַ אוועקגע־שיקט דעם מאַן א טעלעגראַמע, אַז זיא פאָהרט ארויס פון מאָסקווע דעמזעל־ביגען טאָג.

— ניין, איך מוז פאָהרען — האָט זיא ערקלעהרט דער שווע־גערין די אורזאַכע פון די ענדערונג פון איהרע אבזיכטען, מיט אזא טאָן אזוי וויא

# אננא קארענינא

זיא וואָלט זיך דערמאָהנט וועגען פיעל זאכען, וועלכע מען קאָן ניט אַלע אויס־רעכענען, — ניין, זאָל שוין בעסער זיין היינט.

סטעפּאַן ארקאדיעוויטש איז ניט געווען אין דער היים צו מיטאָג, האָט אָבער פערשפּראָכען, אז זיבען א זייגער וועט ער קומען אום צו בעגלייטען דיא שוועסטער.

קיטי איז אויך ניט געקומען, צושיקענדיג א צעטעל, אז איהר טהוט וועה דער קאָפּ. דאללי און אננא זיינען געווען צו מיטאָג אליין צוזאמען מיט דיא קינדער און מיט דער ענגלענדערשער באננע. האָבען זיי געפיהלט, אז דיא טאנטע איז עפּעס היינט ניט אזוי וויא זיא איז געווען ווען זיא איז געקומען צופאָהרען, ווען זיי האָבען זיא אזוי ליעב בעקומען ? זיי האָבען עפּעס פּלוצלינג אויפגעהערט צו שפּיעלען זיך מיט דער טאנטע. און זיא איז שוין ניט אזוי ליעב געווען, זיי האָט ווייניג געקימערט דאָס וואָס זיא פאָהרט אוועק.

אננא איז דעם גאנצען פריהמאָרגען געווען פערנומען מיט פאָרבערייטונגען צו דער רייזע. זיא האָט געשריבען צעטעלעך צו איהרע מאָסקווער בעקאנטע, האָט פערצייכענט איהרע חשבונות און האָט איינגעפּאַקט איהרע זאכען. דאללין האָט אין אלגעמיין זיך אויסגעוויעזען, אז אננא איז עפּעס בעאונרוהיגט, אז זיא איז בעזאָרגט, וואָס דאללי האָט גאנץ גוט געפיהלט אָן זיך, אז ווען זיא איז שטארק פער׳דאגה׳ט פארדעקט זיא דאָס אויך מיט דעם אויסדרוק פון אונצופריעדענהייט מיט זיך אליין. נאָך מיטאָג איז אננא אוועק צו זיך אין צימער אָנקליידען זיך און דאללי איז געגאנגען נאָך איהר.

— דו ביסט היינט עפּעס אזא זאָנדערבארע ! — האָט איהר געזאָגט דאללי.

— איך ? דיינקסט דו אזוי ? ניין, איך בין ניט קיין זאָנדערבארע, איך בין א שלעכטע. דאָס פּאסירט מיט מיר. עס ווילט זיך מיר אלץ וויינען. דאָס איז זעהר נאריש, אָבער דאָס געהט פערביי — האָט געזאָגט שנעל אננא און האָט אָנגעבויגט איהר רויט־געוואָרענעם פּנים צו דעם שעהנינקען זעקעלע, אין וועלכען זיא האָט אריינגעלעגט איהר נאכט־הייבעל און דיא באטיסטענע טאשען־טיכלעך. איהרע אויגען האָבען בעזאָנדערנס געגלאַנצט און עס האָבען זיך אין זיי געשטעלט טהרערען. — אזוי האָט זיך מיר פון פּעטערסבורג ניט געוואָלט אָבפאָהרען, און איצט ווילט זיך ניט אוועקפאָהרען פון דאנען.

— דו ביסט געקומען אהער און האָסט אויפגעטהאָן א גוטע זאך — האָט געזאָגט דאללי, אויפמערקזאם קוקענדיג אויף איהר.

אננא האָט אויף איהר א קוק געטאָהן מיט אויגען פייכטע פון טהרערען.

— זאָג דאָס ניט, דאללי. איך האָב קיין זאך ניט געטאָהן און קאָן קיין זאך ניט טאָהן. איך וואונדער זיך אָפט פאר וואָס האָבען זיך מענשען צונויפגעערעדט אום צו פערדארבען מיך. וואָס האָב איך געטאָהן און וואָס קאָן איך טאָהן ? אין דיין הארצען האָט זיך געפונען אזוי פיעל ליעבע, אז דו זאָלסט קאָנען פערצייהען...

— אָהן דיר, גאָט ווייס וואָס וואָלט געווען ! וואָס פאר א גליקליכע דו

# אננא קארעגינא

ביסט אננא — האָט געזאָגט דאללי — אין דיין נשמה איז אלעס קלאָהר און שעהן.

— ביי אלעמען אין דער נשמה געפינען זיך זייערע „סקעלעטאָנס,“ וויא עס זאָגען דיא ענגלענדער.

— וואָס פאר א ס ק ע ל ע ט אָ ן איז דען ביי דיר אין דער נשמה? אין דיר איז אלעס אזוי קלאָהר.

—פאראן! פאראן!— האָט פלוצלונג געזאָגט אננא און גאַנץ אונער־ווארטעט האָט נאָך דיא טהרערען א ביטרער, לאכעדיגער שמייכעל געקנייטשט איהרע ליפען.

— נו איז דיין סקעלעטאן א שפאסהאפטער, אָבער ניט קיין טרויעריגער— האָט שמייכלענדיג געזאָגט דאללי.

— ניין, א טרויעריגער. דוא ווייסט פאר וואָס איך פאהר היינט אוועק און ניט מאָרגען? דאָס איז א ווידוי, וועלכער האָט מיך געשטיקט און איך וויל דאָס פאר דיר מתודה זיין זיך — האָט געזאָגט אננא, מיט ענטשלאָסענהייט אנ־לעהענענדיג זיך אין פוטעל און קוקענדיג גלייך דאללי'ן אין דיא אויגען.

און צו איהר פערוואונדערונג, האָט דאללי דערזעהען, וויא אננא איז רויט געוואָרען ביז דיא אויערען, ביז דיא קרויזעלדיגע צעפּ אויפ'ן נאקען.

— יא — האָט פאָרטגעזעצט אננא — דוא ווייסט, פאר וואָס קיטי איז ניט געקומען אהער צו מיטאג? זיא איז אייפערזיכטיג אויף מיר. איך האָב דאָס פערדאָרבען... איך בין דאָס געווען דיא אורזאכע, וואָס דער באל איז פאר איהר געווען א פייניגונג און ניט קיין שמחה. אָבער ווירקליך, ווירקליך, איך בין ניט שולדיג אָדער בין נור אביסעל שולדיג — האָט זיא געזאָגט, מיט א גאַנץ דינער שטימע ארויסריידענדיג דעם וואָרט „אביסעל“.

— אָ, וויא עהנליך צו סטיוואַ'ן דוא האָסט דאָס געזאָגט — האָט לאכענ־דיג געזאָגט דאללי.

אננא האָט זיך בעליידיגט.

— א, ניין, ניין! איך בין ניט סטיוואַ — האָט זיא געזאָגט אָנגעוואָל־קענט — איך זאָג דאָס דיר דערפאר, ווייל איך וועל אפילו אויף קיין איין מינוט דיר ניט ערלויבען צו צווייפלען אין מיר — האָט געזאָגט אננא.

נור אין דער מינוט ווען זיא האָט ארויסגעזאָגט דיא ווערטער, האָט זיא געפיהלט אז זיי זיינען ניט קיין גערעכטע; זיא האָט ניט בלויז געצווייפעלט אין זיך, זיא האָט געפיהלט אן אויפרעגונג ביי דעם געדאנק וועגען ווראָנסקי און איז אוועקגעפאָהרען שנעלער איידער זיא האָט גערעכענט, בלויז אום ניט צו בעגעגע־נען זיך מעהר מיט איהם.

— יא, סטיוואַ האָט מיר דערצעהלט אז דוא האָסט מיט איהם געטאנצט מאזורקע און אז ער...

— דוא קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלען, וויא שפאסהאפט דאָס איז פאָרגעקו־מען. איך האָב געהאט אין זינען בלויז זיי משדך צו זיין, און פלוצלונג איז אויס־געקומען גאָר אנדערש. עס קאָן זיין אז איך האָב ניט וועלענדיג...

זיא איז רויט געוואָרען און האָט זיך אָבגעשטעלט

# אננא קארענינא

— א, זיי דערפיהלען דאָס גלייך — האָט געזאָגט דאללי.

— אָבער איך וואָלט געוועזן אין פערצווייפלונג, אויב דערפון וואָלט ארויסגעקומען וואָס ערנסטעס פון זיין זייט — האָט איהר אננא איבערגעשלאָגען דיא רייד — און איך בין זיכער, אז דאָס וועט אלעס פארגעסען ווערען און קיטי וועט אויפהערען מיך האַסען.

— אייגענטליך וועל איך זאָגען דיר דעם אמת, אננא, איך וואָלט ניט זעהר געוואָלט פאר קיטי'ן דעם פאַזיגען שידוך. און עס איז בעסער, אז דאָס זאָל זיך צוגעהן, אויב ווראָנסקי האָט געקאָנט אין איין טאָג שוין פערליעבען זיך אין דיר.

— אך, מיין גאָט, דאָס וואָלט געווען אזוי נאַריש! — האָט געזאָגט אננא, און ווידער איז אויף איהרע באַקען ארויסגעטראָטען א גערדיכטע רויטקייט, ווען זיא האָט דערהערט איהר געדאנק ארויסגערעדט אין ווערטער. — איז אָט פאָהר איך אוועק און האָב געמאַכט קיטי, וועלכע איך האָב אזוי ליעב בעקומען, פאר מיינע א פיינד. אך, וואָס פאר א ליעבליכע זיא איז! אָבער דוא וועסט דאָך דאָס זעהען דאָ פעררירכטען, דאללי, יא?

דאללי האָט קוים וואָס געקאָנט צוריקהאַלטען איהר שמייכעל. זיא האָט געליעבט אננא'ן, נור איהר איז אנגענעהם געוועזן צו זעהען, אז אויך זיא האָט שוואַכקייטען.

— א פיינד? דאָס קאָן ניט זיין.

— איך וואָלט אזוי וועלען, אז איהר אלע זאָלט מיך ליעב האָבען, וויא איך האָב אייך ליעב; און איצט האָב איך אייך נאָך מעהר ליעב בעקומען — האָט געזאָגט אננא מיט טרעהרען אין דיא אויגען — אך, וויא נאַריש איך בין היינט.

זיא האָט זיך א פאָכע געטאָהן מיט'ן טיכעל איבער'ן פנים און האָט אָנגעהויבען אָנטאָהן זיך. שוין פאר'ן סאמע פאָהרען איז געקומען סטעפאַן ארקאַדיעוויטש, וועלכער האָט זיך פארשפעטיגט; ער איז געקומען צופאָהרען א פרעהליכער, מיט א רויטען פנים און מיט דעם גערוך פון ווייז און סיגאַרען.

אננא'ס פיהלבארקייט האָט זיך איבערגעגעבען אויך דאללי'ן, און ווען זיא האָט צום לעצטען מאָל אומארעמט איהר שוועגערין, האָט זיא געמורמעלט:

— געדיינק, אננא: דאָס וואָס דוא האָסט פון מיינטוועגען געטאָהן וועל איך קיין מאָל ניט פארגעסען. און געדיינק, אז איך האָב דיך געליעבט און וועל דיך אימער ליעב האָבען, וויא דעם בעסטען פריינד!

— איך פארשטעה ניט פאר וואָס, — האָט געזאָגט אננא, קוסענדיג זיא און בעהאַלטענדיג דיא טרעהרען.

— דוא האָסט מיך פארשטאַנען און פארשטעהסט. פאָהר געזונד, מיין פּראַכט!



לעוו נ. טאָלסטאָי

# א נ נ א   ק א ר ע נ י נ א

## 29.

„נו, אַלעס געענדיגט, און דאַנקען גאָט!“ איז געווען דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז געקומען אננא אַרקאַדיעוונא אויפ׳ן זינען, ווען זיא האָט זיך צום לעצ־טען מאָל געזעגענט מיט איהר ברודער, וועלכער האָט ביז דעם דריטען קלונג פאַר־שטעלט מיט זיך דעם אַריינגאַנג אין וואַגאָן. זיא האָט זיך געזעצט אויף איהר דיוואַנטשיק, צוזאַמען מיט איהר דיענסט אננושקא און זיא האָט זיך אומגעקוקט אין דער האַלב־ליכטיגקייט פון דעם שלאָף־וואַגאָן. דאַנקען גאָט, מאָרגען וועל איך שוין זעהען סעריאָזשען און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, און עס וועט אַוועק מיין לעבען גוט און געוועהנליך אויף דעם אַלטען שטייגער.“

אננא האָט מיט הנאה און בערעכענט געמאַכט זיך בעקוועם צו זיצען, האָט מיט פעהיגע בעוועגונגען צועפענט און פערמאַכט דעם רויטען סאַקוואַיאַזש, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ קישעלע, האָט אַרויפגעלייגט צו זיך אויף דיא קניע און פאַרדעקענדיג דיא פיס האָט זיא זיך רוהיג איינגעזעצט. אַ קראַנקע דאַמע האָט זיך שוין געקליבען צו שלאָפען. צוויי אַנדערע דאַמען האָבען פאַרפיהרט מיט אננאַ אַ געשפרעך, און אַ דיקע אַלטע פרוי האָט געוויקעלט זיך דיא פיס און האָט געמאַכט אַ בעמערקונג וועגען בעהייצען דעם וואַגאָן.

אננא האָט געענטפערט איינִיגע ווערטער דיא צוויי דאַמען, האָט אַרויס־גענומען פון איהר זעקעל אַן ענגלישען ראָמאַן און דעם מעסעריל אויף אויפצו־שניידען דיא בלעטער. אין אָנפאַנג האָט זיך איהר עפּעס ניט געלעזען. דיא דיענסט, אננושקא האָט שוין געדרעמעלט האַלטענדיג אויף דיא קניע דעם רויטען זאַק מיט איהרע ברייטע הענד און דיא האַנדשוה, פון וועלכע איינע איז שוין געווען צוריסען. אננאַ אַרקאַדיעוונא האָט געלעזען און פערשטאַנען, אָבער איהר איז עפּעס אונאַנגענעהם געווען צו לעזען, ד. ה. נאַכפאָלגען נאָך דער אָב־שפּיעגלונג פון׳ם לעבען פון אַנדערע מענשען. איהר אַליין האָט זיך צופיעל גע־וואָלט לעבען. האָט זיא געלעזען וויא דיא העלדין פון ראָמאַן איז אַרומגעגאַנגען אַרום קראַנקע — האָט זיך איהר געוואָלט עפּעס מיט שטילינקע טריט אַרומגעהן אין צימער פון קראַנקען; האָט זיא געלעזען וויא אַ מיטגליעדער פון פּאַרלאַמענט האָט געהאַלטען אַ רעדע, האָט זיך איהר געוואָלט האַלטען דיא דאָזיגע רעדע; האָט זיא געלעזען וועגען דעם וויא ליידי מערי איז געפּאָהרען רייטענדיג נאָך אַ סטאַיע הינד און האָט געררייצט איהר שוועגערין און האָט פערוואונדערט אַלעמען מיט איהר קוראַזש — האָט זיך איהר אַליין געוואָלט דאָס טאָהן. אָבער אַזוי וויא עס איז ניט געווען וואָס צו טאָהן, האָט זיא, איבערטאַפּענדיג מיט איהרע פינגער דעם מעסעריל אין האַנד, געשטאַרקט זיך ווייטער צו לעזען.

דער העלד פון דעם ראָמאַן האָט שוין אָנגעהויבען עררייכען זיין ענגלישען גליק, איז געוואָרען אַ באַראָן און ערוואָרבען זיך מאַיאָנטקעס, און אננא האָט געוואָלט מיט איהם צוזאַמען פאָהרען אין זיין מאַיאָנטעק; פּלוצלונג האָט זיא דערפיהלט אַז ער האָט זיך געדאַרפט שעהמען און אַז זיא דאַרף זיך אויך שעהמען

דערפאר גופא. אָבער פאַר וואָס שעהמען? „פאַר וואָס שעהם איך זיך?“ האָט זיא זיך א פרעג געטאָהן מיט א בעליידיגטען פערוואונדערונג.

זיא האָט נאָכגעלאָזען דעם בוך און האָט זיך אָבגעשפּאַרט אויף דעם ווענטעל פון פוטעל, פעסט דריקענדיג אין איהר האנד דעם מעסערל. זיא האָט ניט פאר וואָס צו שעהמען זיך. זיא האָט אין איהר עראינערונג איבערגערעכענט אַלע איהרע מאסקווער בעקאנטע. אַלע זיינען זיי געווען גוטע, אנגענעהמע. זיא האָט זיך דערמאנט וועגען דעם באַל, וועגען וורָאנסקין און זיין פערליעבטען אונערטרעגליכען פּנים, האָט זיך דערמאנט וועגען איהרע בעציהונגען צו איהם: קיין זאך ניט געווען פאַר וואָס צו שעהמען זיך.

און אין דערזעלביגער צייט האָט זיך דאָס געפיהל פון שאנדע פער־שטארקט, אזוי וויא אן אינערליכע שטימע וואָלט אנגעהויבען ריידען אין איהר אַקוראט דאן, ווען זיא דערמאנט זיך וועגען וורָאנסקי, און וואָלט צו איהר זאָגען: „ווארעם, זעהר ווארעם, היים!“ — „נו, איז וואָס?“ — האָט זיא צו זיך געזאָגט ענטשלאָסען איבערריקענדיג זיך אין פוטעל — וואָס זשע זאָל דאָס בעדייטען? האָב איך דען מורא א קוק צו טהאָן דערויף גלייך! נו, איז וואָס־זשע? ניט־שוין־־זשע זיינען צווישען מיר און דעם אינגעל־אָפיציער פאראן וועלכע ניט איז אנדערע בעציהונגען, אויסער אזעלכע, וויא זיי זיינען מיט יעדען בעקאַנטען.“

זיא האָט פערעכטליך א לאַך געטאָהן און האָט זיך ווידער גענומען פאַר איהר בוך; נור איצט האָט זיא שוין לחלוטין ניט פערשטאַנען דעם זינען פון דאָס וואָס זי האָט געלעזען. זי האָט א פיהר געטאָן מיט׳ן פּאַפּיער־מעסערל איבערן שויב און האָט דערנאָך צוגעלייגט זיין קאַלטע, גלאַטע אויבערפלעכע צו איהר באַק און האָט שיער זיך ניט צולאכט אין דער הויך פון פרייד, וועלכער האָט פּלוצלונג זיא איבערוועלטיגט. זיא האָט געפיהלט, אז איהרע נערווען אזוי וויא סטרונעס זיינען אנגעצויגען געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אויף עפּעס אזעלכע פערשרויפענדע שטעכיגלעך. זיא האָט געפיהלט, אז איהרע אויגען צועפענען זיך אַלץ מעהר און מעהר און אז דיא פינגער אויף אירע הענד און פיס האָבען נערוועז בעוועגט זיך.

זיא האָט געפיהלט וויא איהרע אויגען צועפענען זיך אַלץ מעהר און מעהר, אז דיא פינגער פון דיא הענד און פיס צוקען זיך נערוועז, אז אינ־וויניג שטיקט איהר עפּעס דער אטהעם און אז אלע געשטאַלטען און קלאַנגען אין דער דאָזיגער בעוועגליכער האַלב־דונקעלהייט איבערראַשען זיא מיט אן אונ־געוועהנליכער עכטקייט. אויף איהר זיינען אן אויפהער ארויפגעקומען מינוטען פון צווייפעל: פאָהרט דער וואַגאָן פאָרוועָרטס, געהט ער אויף צוריק אָדער שטעהט גאָר אונבעוועגליך. איז דאָס אנושקא לעבען איהר אָדער עפּעס א פרעמדע? „וואָס איז דאָרט אויף׳ן הענטעל, הענגט דאָס א פוטער אָדער דאָס איז א חיה? און איך אליין, בין איך דאָס דאָ אָדער דאָס איז גאָר אן אנדערע?“ איהר איז געוואָרען אימה׳דיג איבערצוגעבען זיך דער דאָזיגער פער־געסענהייט. אָבער עפּעס האָט איהר געשלעפּט דערריין, אריינגעצויגען, און זיא

האָט געקאָנט לויט אייגענעם ווילען אָבגעבען זיך דערצו אָדער צוריקהאַלטען זיך דערפון.

זיא האָט זיך אויפגעהויבען אום צו קומען צו זיך, האָט אַראָבגעוואָרפען דעם פלעד, האָט אַראָבגענומען דיא פעלערינע פון דעם ווארעמען קלייד. אויף אַ מינוט האָט זיא זיך באַדיינקט און האָט פערשטאַנען, אַז דער אריינגעקומענער מאָגערער פויער אין אַ לאַנגען, באַוועלנעם מאַנטעל, אין וועלכען עס האָבען געפעהלט קנעפּ, איז געוועזן דער הייצער, אַז ער האָט געקוקט אויף דעם טערמאָמעטער, אַז דער ווינד און שנעע האָבען זיך אריינגעריסען נאָך אידם אין טיהר. נור דערנאָך האָט זיך אַלעס ווידער צומישט.

דער פויער מיט דעם לאַנגען סטאָן האָט זיך גענומען עפּעס גריזען אין וואַנד, דיא אַלטינקע האָט גענומען אויסציהען איהרע פיס אין דיא גאַנצע לייגג פון וואַגאָן און דער וואַגאָן האָט זיך עפּעס אָנגעפּיעלט מיט אַ שווארצען וואָלקען; דערנאָך האָט עפּעס אָנגעהויבען שרעקליך צו סקריפּען און צו קלאַפּען, אזוי וויא מען וואָלט עפּעס צורייסע׳ עמיצען; דערנאָך האָט אַ רויטער פייער געבלענדעט דיא אויגען, און דערנאָך האָט זיך אַלעס פערצויגען מיט אַ וואַנד. אננאַ האָט געפיהלט, אַז זיא איז דורכגעפאַלען. אָבער דאָס אַלעס איז גאָר ניט געוועזן אזוי שרעקליך, נור פרעהלאך. דיא שטימע פון אַ מענשען וואָס איז געוועזן איינגעוויקעלט און פארטראָגען מיט שנעע האָט עפּעס געשריען איהר איבער׳ן אויער.

זיא האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט זיך אויפגעהויבען; זיא האָט פערשטאַנען, אַז זיי זיינען צוגעפאָהרען צו א סטאַנציאָן און אז דאָס איז דער קאָנדוקטאָר. זיא האָט געבעטען אַנושקאן דערלאַנגען איהר דיא טוך און דיא פעלערינע, האָט זיי אָנגעטאָהן און איז אוועק צו דער טיהר.

— איהר ווילט ארויסגעהן? — האָט אַ פרעג געטאָהן אַנושקא.

— יא, איך וויל אַן אָטהעם טאָהן. דאָ איז אזוי הייס.

און זיא האָט אַ ריס געטאָהן דיא טיהר. דיא זאַווארוכע און דער ווינד האָבען זיך א ריס געטאָהן איהר אַנגעגען און האָבען מיט איהר אַ אַמפּער געטאָהן זיך וועגען דער טיהר, און דאָס האָט איר אויסגעוויזען פרעהלאך. זיא האָט געעפענט דיא טיהר און איז ארויסגעגאַנגען. דער ווינד וואָלט אזוי וויא געוואַרט אויף איהר: ער האָט פרעהלאך זיך צופייפט און האָט געוואָלט אונטערכאַפּען זיא און אַוועקטראָגען. זיא האָט זיך אָבער מיט׳ן האַנד אַ נעהם געטאָהן פאַר דעם קאַלטען זיילכעל און, צוהאַלטענדיג איהר טוך, איז זיא אראָב אויף דער פלאַטפאָרמע און דער בעלויכטענער סטאַנציע.

## .30

דער שרעקליכער שטורעם האָט זיך געריסען און האָט געפייפט צווישען דיא רעדער פון דיא וואַגאָנעס, דורך דיא קלעצער הינטערן ווינקעל פון סטאַנציע. וואַגאָנעס, קלעצער, מענשען, אַלעס וואָס האָט זיך נור געזעהען איז געוועזן פאַר־

טראָגען פון איין זייט מיט שנעע און אלץ מעהר האָט דאָס דעם שנעע געטראָגען איבער אלעס. אויף א מאָמענט האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט, נור דערנאָך איז ער ווידער אָנגעפלויגען מיט אזעלכע אויסברוכען, אז עס האָט זיך געדוכט אלס אונמעגליך צו קאָנען איהם ווידערשטעהן.

דערווייל זיינען עפּעס מענשען געלאָפען, פרעהלאך איבער שמועסענדיג, סקריפּענדיג איבער דיא דילען פון פּלאטפאָרם און אָהן אויפהער עפענענדיג און פערמאכענדיג גרויסע טיהרען. דער איינגעבויגענער שאָטען פון א מענשען האָט זיך דורכגעגליטשט אונטער איהרע פיס, און עס האָבען זיך דערהערט דיא קלעפּ פון האמער אויף אייזען.

— דעפּעשיר! — האָט זיך דערהערט א בייזער געשריי פון דער אנדער זייט פון דער שטורעמדיגער פינסטערנעס.

— אהער געפעליגסט, נומער 28! — האָבען געשריען עפּעס פערשיעדענע שטימען, און פארטראָגענע מיט שנעע זיינען דורכגעלאָפען איינגעוויקעלטע מענשען. עפּעס צוויי העררן, מיט דעם פייער פון פּאפּיראָסען אין מויל, זיינען פערבייגעגאנגען פערביי איהר. זיא האָט נאָך אמאָל א זיפץ געטאָהן, אום אָנצואטהמען זיך, און האָט שוין ארויסגענומען דיא האנד פון דער מופטע, אום צו נעהמען זיך ווידער פאר דעם זיילכעל פון וואגאָן און אריינגעהן, ערשט נאָך א מאן אין א מיליטערישען מאנטעל נאָהענט לעבען איהר, האָט איהר פארשטעלט דאָס שוואנקענדע ליכט פון לאנטערנע. זיא האָט זיך אומגעקוקט און האָט גלייך דערקענט ווראנסקי'ס פנים. צולייגענדיג דיא האנד צום דאשיק פון זיין היטעל, האָט ער זיך א נייג געטאָהן פאר איהר און האָט א פרעג געטאָהן, צו דארף זיא ניט וואָס, צו קאָן ער זיא ניט בעדינען מיט וואָס.

זיא האָט א היבשע ווײלע, קיין זאך ניט ענטפערענדיג, איינגעקוקט זיך אין איהם, און ניט קוקענדיג אויף דעם שאטען, אין וועלכען ער איז געשטאנען, האָט זיא געזעהען, אָדער איהר האָט זיך דאָס געדוכט, אז זיא האָט געזעהען דעם אויסדרוק פון זיין פנים און פון זיינע אויגען. דאָס איז געווען ווידער דער אויסדרוק פון העפליכער ענטציקונג, וואָס האָט אויף איהר אזוי געווירקט נעכטען.

ניט איין מאָל האָט זיא זיך דאָס געזאָגט אין דיא לעצטע עטליכע טעג און נור־וואָס, אז ווראנסקי איז פאר איהר איינער פון דיא הונדערטע אימער דיזעלביגע יונגע מענשען, וועלכע מען בעגעגענט, אז זיא וועט זיך קיין מאָהל ניט ערלויבען גאָר צו דיינקען וועגען איהם. אָבער איצטער, אין דעם ערשטען אויגענבליק פון איהר בעגעגניש מיט איהם, האָט איהר אָנגעכאפּט א געפיהל פון פרייד און שטאָלץ. זיא האָט ניט געדארפט פרעגען צו וואָס איז ער דאָ. זיא האָט דאָס געוואוסט אויך אזוי זיכער וויא ווען ער וואָלט איהר דאָס זאָגען, אז ער איז דאָ, אום צו זיין דאָרט וואו זיא איז.

— איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר פאָהרט. נאָך וואָס פאָהרט איהר? — האָט זיא געזאָגט, ארונטערלאָזענדיג דיא האנד, מיט וועלכער זיא האָט אָנגענומען דאָס זיילכעל פון וואגאָן. און א ניט איינגעהאלטענע פרייד און לעבעדיגקייט האָט געשיינט אויף איהר פנים.

— נאָך וואָס פאָהר איך? — האָט ער ווידערהאָלט, קוקענדיג איהר גלייך

# אננא קארעני נא

אין דיא אויגען — איהר ווייסט, אז איך פאהר צוליעב דעם אום צו זיין דארט, וואו איהר זייט — האט ער געזאגט — איך קאן אנדערש ניט.

אין דער מינוט האט דער ווינד, אזוי וויא ער וואלט זיך אנגענומען מיט כחות, א טראג געטאהן דעם שנעע פון דיא דעכער פון דיא וואגאנעס, האט אנ־געהויבען צו פלאטערן עפעס מיט א שטיק אבגעריסענע בלעך, און פאראויס האט זיך צורעוועט ווייגענדיג און טרויעריג דער גדיכטער פייף פון לאקאמאטיוו. די גאנצע שרעקליכע זאווארוכע האט איהר אויסגעוויזען אזוי שעהן איצט. ער האט געזאגט דאסזעלביגע וואס איהר הארץ האט געווינשט, אבער פאר וואס זיא האט מיט איהר פערשטאנד מורא געהאט. זיא האט גאר נישט געענטפערט און אויף איהר געזיכט האט ער געזעהען קאמפף.

— פערצייהעט מיר, אויב אייך איז אונאנגענעהם דאס וואס איך האב געזאגט — האט ער אנגעהויבען צו ריידען אונטערטעניגליך.

ער האט גערעדט העפליך, געלאסען, נור אזוי פעסט און עקשנות׳דיג, אז זיא האט לאנג גארנישט געקאנט ענטפערן.

— דאס וואס איהר זאגט איז שלעכט, און איך בעט אייך, אויב איהר זייט א גוטער מענש, פארגעסט, וואס איהר האט געזאגט, וויא איך וועל אויך פערגעסען — האט זיא געזאגט ענדליך.

— קיין איין ווארט אייערען, קיין איין באוועגונג אייערע וועל איך קיין מאהל ניט פארגעסען און איך קאן ניט....

— גענוג, גענוג! — האט זיא א געשריי געטאהן, אומזיסט זוכענדיג צו־צוגעבען א שטרייגנגען אויסדרוק איהר געזיכט, אין וועלכען ער האט זשעדנע אריינגעקוקט. נעהמענדיג זיך מיט דער האנד פאר דעם קאלטען זיילכעל, איז זיא ארויף דיא טרעפלעך און איז אריין אין פארהויז פון וואגאן, אבער אין דעם קליי־נינקען פארהויז האט זיא זיך אבגעשטעלט, בעדיינקענדיג אין איהר פארשטעלונג וואס עס איז פארגעקומען. ניט געדיינקענדיג ניט איהרע און ניט זיינע ווער־טער, האט זיא מיט׳ן געפיהל פערשטאנען, אז דער מינוטנער געשפרעך האט זיי שטארק דערנעהענטערט איינעם צום צווייטען; און זיא איז געווען דערפון צו־שראקען און גליקליך.

נאך דעם וויא זיא איז אזוי געשטאנען עטליכע זעקונדען איז זיא אריין אין וואגאן און האט זיך געזעצט אויף איהר פלאץ. יענער אנגעשטריינגטער צו־שטאנד, וועלכער האט זיא געמאטערט פון אנפאנג, האט זיך ניט בלויז ווידער־האלט, נור איז אליץ שטארקער און שטארקער געווארען און איז דערגאנגען אזוי וויים, אז זיא האט מורא געהאט אט־אט וועט אין איהר פלאצען עפעס וואס איז צופיעל אנגעצויגען. זיא האט ניט געשלאפען דיא גאנצע נאכט. נור אין יענער אנשטריינגונג און אין יענע פאנטאזיען, וועלכע עס האבען אנגעפילט איהר פאר־שטעלונג, איז ניט געווען קיין אונאנגענעהמעס און קיין טרויעריגעס; פארקעהרט, עס איז געווען עפעס ערפרעהענדעס, פייעריגעס און רייצענדעס.

צו אין־דער־פריה איז אננא איינגעשלאפען, זיצענדיג אין פוטעל, און ווען זיא האט זיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען ליכטיג און דער צוג איז צוגעגאנגען

צו פעטערבורג. דיא גערדאנקען וועגען הויז, וועגען מאן, וועגען זוהן, און דיא זארג פון דעם קומענדען טאג און פון ווייטערע טעג האבען זיא פארנומען.

אין פעטערסבורג, נור־וואס עס האט זיך אבגעשטעלט דער צוג און זיא איז ארויס, איז דער ערשטער פנים, וועלכער האט געצויגען איהר אויפמערקזאמ־קייט, געווען דער פנים פון איהר מאן. „אך, אום גאטעס ווילען, פאר וואס זיינען דאס ביי איהם געווארען אזעלכע אויערען?“ האט זיא א טראכט געטאהן קוקענדיג אויף זיין קאלטער, אימפאזאנטער פיגור און בעזאנדערס האבען זיך איהר גע־ווארפען אין דיא אויגען וויא דיא אויערען זיינע שפארען אונטער דעם רונדען קאפעלוש. הערזעהענדיג זיא איז ער געגאנגען איהר אנגעגען, מיט זיין געוועהנ־ליכען שפאסהאפטען שמייכעל אויף דיא ליפען און קוקענדיג גלייך אויף איהר מיט זיינע גרויסע, מידע אויגען. עפעס אן אונאנגענעהמעס געפיהל האט גע־צופט איצט איהר הארץ, ווען זיא האט בעגעגענט זיין איינגעשפארטען, מידען בליק, אזוי וויא זיא וואלט ערווארטען טרעפען איהם גאר אן אנדערן. בעזאנ־דערס איז זיא געטראפען געווארען פון דעם אונצופריעדענעם געפיהל מיט זיך, וואס זיא האט געשפירט אין זיך ביים בעגעגענען זיך מיט איהם. דיעזעס געפיהל איז איהר געווען היימיש, בעקאנט, ערגליך צו דעם צושטאנד פון פאר־שטעלען זיך, וואס זיא האט געפיהלט אימער אין איהרע בעציהונגען צו איהר מאן; אבער פריהער האט זיא ניט אזוי בעמערקט דעם דאזיגען געפיהל, איצט האט זיא דאס קלאהר און קריינקליך דערשפירט.

— יא, וויא דוא זעהסט, דער צערטליכער מאן, צערטליך וויא אויף דעם צווייטען יאהר נאך דער חתונה, האט געברענט פון אונגעדולד צו זעהען דיך — האט ער געזאגט מיט זיין לאנגזאמען, דינעם קול און מיט יענעם טאן, וועלכען ער האט כמעט שטענדיג געברויכט ריידענדיג צו איהר — מיט א טאן פון אבשפאסען פון יענעם, וועלכער וואלט אין דער ווירקליכקייט אזוי גערעדט.

— איז סעריאזשא געזונד? — האט זיא געפרעגט.

— און דאס איז אין גאנצען דיא בעלוינונג פאר מיין היציגקייט? — האט ער געזאגט — געזונד, געזונד....

## 31.

ווראנסקי האט גאר ניט פערזוכט צו שלאפען דיא גאנצע נאכט. ער איז געזעסען אויף זיין פוטעל, ווײלעוויז אויסשטעלענדיג דיא אויגען אין פאראויס, ווײלעוויז אומקוקענדיג זיך צו דיא אריינקומענדע און ארויסגעהענדע. ער האט איצט אויסגעזעהען נאך שטאלצער און זעלבסט־בענוגענט. ער האט געקוקט אויף מענשען וויא אויף זאכען. א נערוועזער יונגער מענש, וועלכער האט געדיענט אין אקרוזשנאי סוד, האט איהם פיינד בעקומען פאר דעם דאזיגען פנים, זיצענדיג אנטגעגען איהם. דער יונגער מענש האט פערזוכט ביי איהם, האט געפרופט

אָנהויבען ריידען מיט איהם, און האָט איהם אפילו געשטויסען, אום צו געבען איהם פיהלען, אז ער איז ניט א זאַך, נור א מענש, אָבער וורָאנסקי האָט געקוקט אויף איהם וויא ער האָט געקוקט אויף דער לאַנטערנע, און דער יונגער מענש האָט געמאַכט גרימאַסען, פיהלענדיג אז ער פערלירט זיין זעלבסטבעהערשונג אונטער דעם דרוק פון ניט אנערקענט ווערען פאַר א מענשען.

וורָאנסקי האָט קיינעם און קיין זאַך ניט געזעהען. ער האָט זיך געפיהלט וויא א קיסר, ניט דערפאַר וואָס ער זאָל פיהלען, אז ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף אננא׳ן — ער האָט דאָס נאָך ניט געגלויבט — נור דערפאַר, וואָס דער איינדרוק, וועלכען זיא האָט געמאַכט אויף איהם, האָט איהם געגעבען גליק און שטאָלץ.

וואָס דערפון וועט ארויסקומען, האָט ער ניט געוואוסט און ניט געטראַכט. ער האָט געפיהלט, אז אלע זיינע צולאָזענע, צוואווארפענע קרעפטען ביז איצט זיינען איצט צונויפגעזאַמעלט געוואָרען אין איינעם און מיט געוואַלטיגער ענערגיע זיינען זיי אָנגעווענדעט געוואָרען צו איין ליעבליכען צוועק. און ער איז דערפון גליקליך געווען. ער האָט בלויז געוואוסט, אז ער האָט איהר געזאָגט דעם אמת, אז ער איז געפאָהרען אהין, וואו זיא איז געווען, אז דעם גאַנצען גליק פון זיין לעבען, דעם איינציגען זינען פון לעבען, האָט ער געפונען איצט דעריין, אז ער זאָל זעהען און הערען זיא. און ווען ער איז ארויסגעגאַנגען פון וואַגאָן אויף דער סטאַנציע באָלאָגאָווא, אום אויסצוטרינקען א גלאָז זעלצער־וואַסער, און ער האָט דערזעהען אננא׳ן, האָט ניט ווילענדיג זיין ערשטעס וואָרט איהר געזאָגט דאָס וואָס ער האָט געטראַכט.

און ער איז גערען געווען וואָס ער האָט איהר דאָס געזאָגט, וואָס זיא ווייס וועגען דעם און טראַכט איצט געוויס וועגען דעם. ער האָט דיא גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען. אומקעהרענדיג זיך אין זיין וואַגאָן, האָט ער אָהן אויפהער איבערגעטראַכט יעזיע לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיא געזעהען, אלע איהרע ווערטער, און אין זיין פאָרשטעלונג האָבען פאָרגעשוועבט דיא בילדער פון דער מעגליכער צוקונפט און זיין הארץ איז פערשטאָרבען געוואָרען.

ווען ער איז אין פעטערסבורג ארויסגעגאַנגען פון וואַגאָן האָט ער זיך געפיהלט פריש און לעבעדיג נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, וויא נאָך א קאַלטע באָד. ער האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען זיין וואַגאָן, וואַרטענדיג וויא זיא וועט ארויסגעהען. „איך וועל זיא נאָך אמאָל זעהען — האָט ער זיך געזאָגט און האָט געשמייכעלט ניט וועלענדיג — איך וועל זעהען איהר גאַנג, איהר פנים: זיא וועט זאָגען וואָס ניט איז, וועט א קעהר טאָהן דעם קאָפּ, וועט א קוק טאָהן, וועט פיעלייכט א שמייכעל טאָהן.“

אָבער איידער ער האָט זיא דערזעהען, האָט ער דערזעהען איהר מאַן, וועמען דער נאַטשאַלניק פון סטאַנציע האָט רעספּעקטפול דורכגעפירט צווישען דער מאַסע. „אַך, יא! דער מאַן!“ און ערשט איצט צום ערשטען מאָל האָט וורָאנסקי קלאָהר פערשטאַנען, אז דער מאַן איז געווען א פּערזאָן וואָס איז מיט איהר פערבונדען. ער האָט געוואוסט, אז ביי איהר איז פאַראַן א מאַן, האָט אָבער ניט געגלויבט אין זיין עקזיסטענץ, און האָט אָנגעהויבען צו גלויבען ערשט דאַן, ווען ער האָט דערזעהען איהם מיט זיין קאָפּ, פּלייצעס און פיס אין שווארצע הויזען;

# אננא קארענינא

בעזאַנדערנס ווען ער האָט דערזעהען וויא דער דאָזיגער מאַן האָט, מיט דעם גע־פיהל פון איינענטהום, רוהיג גענומען איהר האַנד.

דערזעהענדיג אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען מיט זיין פּעטערבורגער פריי־שען פּנים און שטריינג זעלבסטזיכערער פיגור, אין דעם רונדען הוט, מיט אביסעל אויסגעהויבענעם רוקען, האָט ער געגלויבט זיין עקזיסטענץ און האָט דערשפּירט אַן אונאַנגענעהמען געפיהל, עהנליך צום געפיהל, וואָס עס וואָלט דערפיהלען אַ מענש וועלכער איז געמאַטערט פון דורשט און נאָך דעם וויא ער האָט זיך דערקליבען צו אַ קוואַל, האָט ער דערזעהען אין קוואַל אַ הונד, אַ שעפּס אָדער אַ חזיר, וועלכער האָט אי געטרונקען אי מוטנע געמאַכט דאָס וואַסער.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס גאַנג, וועלכער האָט זיך געקעהרט מיט'ן גאַנצען הינטערטהייל און מיט דיא שווערע פיס, האָט בעזאַנדערנס בעליידיגט וורָאנסקין. ער האָט אַנערקענט בלויז פאַר זיך אַליין דאָס אונצווייפעלהאַפטע רעכט זיא צו ליעבען. אָבער זיא איז אַלץ געווען דיעזעלביגע, און איהר געשטאַלט איז דיעזעלביגע, ערפרישענד, רייצבאַר און ערפיללט מיט גליק זיין האַרץ. ער האָט געהייסען דעם דייטשען לאַקיי, וועלכער איז צו איהם צוגעלאָפען, נעהמען דיא זאַכען, און אַליין איז ער צוגעגאַנגען צו איהר. ער האָט געזעהען דיא ערשטע בעגעגעניש צווישען איהר און דעם מאַן, און מיט דער אויפמערקזאַמקייט פון אַ געליעבטען האָט ער באַמערקט אַ צייכען פון לייכטע פערלעגענהייט, אין וועלכער זיא האָט זיך געפונען ווען זיא האָט גערעדט מיט'ן מאַן. „ניין, זיא ליעבט איהם ניט און קאָן איהם ניט ליעבען", האָט ער ביי זיך בעשלאָסען.

אין דער מינוט נאָך, ווען ער איז צו איהר צוגעגאַנגען נעהנטער, האָט ער מיט פרייד באַמערקט, אַז זיא האָט געפיהלט, וויא ער איז צוגעקומען און האָט זיך אומגעקוקט, און, דערקענענדיג איהם, האָט זיא זיך ווידער געווענדעט צום מאַן;

— האָט איהר גוט צוגעבראַכט דיא נאַכט — האָט ער אַ פרעג געטאָהן פערנייגענדיג זיך פאַר איהר און איהר מאַן און זאָל אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָננעהמען דיעזע פערנייגונג אויף זיין חשבון און זאָל ער איהם דערקענען אָדער ניט דערקענען, וויא ער וויל.

— איך דאַנק אייך, זעהר גוט — האָט זיא געענטפערט.

איהר געזיכט האָט אויסגעזעהען מיעד. און אויף איהם האָט שוין ניט געשפּיעלט יענער שמייכעל און יענע לעבעדיגקייט אין דיא אויגען. נור אויף איין אויגענבליק אַ קוק טאָהנ'דיג אויף איהם האָט עפּעס אַ בליץ געטאָהן אין איהרע אויגען, און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דער דאָזיגער פייערל איז גלייך פערלאָ־שען געוואָרען, איז ער דאָך גליקליך געווען פאַר דעם אויגענבליק. זיא האָט אַ קוק געטאָהן אויפ'ן מאַן אום צו דערקענען צו קען ער וורָאנסקין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געקוקט אויף וורָאנסקין מיט אונצופריעדענהייט, עראַי־נערענדיג זיך קוים ווער דאָס איז. וורָאנסקיס רוהיגקייט און זעלבסט־זיכערהייט האָט, וויא אַ קאָסע אויף אַ שטיין, אָנגעשטויסען זיך אַן דער קאַלטער זעלבסט־זיכערקייט פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— גראַף וורָאנסקי — האָט געזאָגט אננא.

# אננא קארענינא

— א, מיר זיינען בעקאנט, דוכט זיך — האָט גלייכגילטיג געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, דערלאנגענדיג דיא האנד — אהין ביסט דוא געפאָהרען מיט דער מוטער. און צוריק מיט'ן זוהן — האָט ער געזאָגט, דייטליך ארויסריידענדיג יעדער וואָרט, וויא א רובעל געשיינקט, — וואָס, עפּעס פיעל טהרערען פערגאָסען געוואָרען אין מאָסקווא ביים געזעגענען זיך? — האָט ער זיך א ווענד געטאָהן צו זיין ווייב.

מיט דיעזער ווענדונג צו זיין פרוי האָט ער געגעבען ווראנסקין צו פערשטעהן, אז ער וויל בלייבען אליין, און א קעהר טאָהנ'דיג זיך צו איהם, האָט ער א ריהר געטאָהן זיין הוט; אָבער ווראנסקי האָט זיך געווענדעט איצט צו אננא ארקאדיעוונא:

— איך האָף צו האָבען דיא עהרע אייך צו בעזוכען.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האָט מיט זיינע מיעדע אויגען א קוק געטאָהן אויף ווראנסקי.

— זעהר גערן —.האָט ער געזאָגט קאלט — מיר נעהמען אויף געסט יעדען מאָנטאג.

און דערנאָך איבערלאָזענדיג אין גאנצען ווראנסקין, האָט ער גערעדט צו זיין פרוי:

— און וויא גוט דאָס איז, וואָס איך האָב געהאט אקוראט א האלבע שטונדע צייט אום צו קומען דיך באַגעגענען, און וואָס איך האָב דיר געקאָנט צייגען מיין צערטליכקייט — האָט ער פאָרטגעזעצט אין דעמזעלביגען שפּאסהאפטען טאָן, וויא אימער.

— דוא שטרייכסט שוין צופיעל אונטער דיין צערטליכקייט כדי איך זאָל דאָס זעהר שעצען — האָט זיא געזאָגט אויך מיט אזא שפּאסהאפטען טאָן, ניט ווילענדיג צוהערענדיג זיך צו דעם קלאנג פון ווראָנסקיס טריט, וועלכער איז געגאנגען הינטער זיי. „אָבער וואָס ארט דאָס מיך" — האָט זיא א טראַכט געטאָהן און זיא האָט אָנגעהויבען נאָכפרעגען זיך ביים מאַן, וויא סעריאָזשע האָט פערבראכט זיין צייט אָהן איהר.

— א, זעהר גוט. מאַריעטע זאָגט, אז ער איז געווען זעהר ליעבליך, זעהר, און . . . איך דארף דיר מאַכען פערדרוס, ער האָט גאָר ניט געבענקט נאָך דיר, יעדענפאלס ניט אזוי וויא דיין מאַן. נור נאָך א מאָל א דאנק, מיין פריינד, וואָס דוא האָסט מיר געשיינקט א טאָג. אונזער ליעבער סאמאוואר וועט זיין ענטציקט (מיט דעם נאָמען „סאמאוואר" האָט ער גערופען דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא דערפאַר, וואָס זיא האָט שטענדיג און וועגען אלעס געקאָכט און געזאָטען) זיא האָט זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט. און דוא ווייסט, אויב איך קאָן וואגען דיר אן עצה געבען, פאָהר נאָך היינט אריבער צו איהר. איהר טהוט דאָך פאַר אלעם וועה דאָס הארץ, און איצט איז זיא א חוץ אלע דאגות פערנומען שטאַרק מיט דעם שלום וואָס דוא האָסט געמאַכט צווישען דיא אבלאנסקים.

דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא איז געווען איהר מאַנס פריינדין און דער מיטעלפּונקט פון איינעם פון דיא פּעטערסבורגער געזעלשאַפטליכע קרייזען,

מיט וועלכען אננא איז געווען מעהר אלס מיט אנדערע פערבונדען צו פערדאנקען דעם מאן.

— איך האב דאך איהר געשריבען.

— אבער זיא דארף וויסען אלע איינצעלהייטען. פאהר צו איהר אריבער אויב דוא ביסט ניט זעהר מיעד פון וועג, מיין פריינד. נו, קאנדראט וועט צופאהרען צו דיר מיט דער קארעטע, און איך איל זיך אין קאמיטעט. איך וועל ווידער מיטאג עסען ניט אליין — האט פארטגעזעצט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש שוין ניט מיט א שפאסהאפטען טאן — דוא וועסט ניט גלויבען וויא איך בין שוין געוועהנט געווארען . . .

און ער האט לאנג געדריקט איהר האנד און מיט א בעזונדער שמייכעל אריינגעזעצט זיא אין קארעטע.



דיא ערשטע פערזאן, וואס האט באגעגענט אננאן אין דער היים איז געווען איהר זוהן. ער איז אר יסגעשפרונגען צו איהר אראב דיא טרעפ, ניט קוקענדיג אויף דיא געשרייען פון דער גאווערנאנטין און האט מיט א פערצווייפעלטער ענטציקונג געשריען: מאמא! מאמא! דערלויפענדיג ביז איהר, האט ער זיך אנגעהאנגען איהר אויפן האלז.

— איך האב אייך געזאגט, אז מאמא! — האט ער געשריען צו דער גאווערנאנטין — איך האב געוואוסט!

און דער זוהן האט אויך אזוי, וויא דער מאן, ארויסגערופען אין אננאן א געפיהל עהנליך צו אן ענטוישונג. זיא האט זיך איהם פארגעשטעלט שעהנער, אלס ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט. זיא האט זיך געמוזט ארונטערלאזען צו דער ווירקליכקייט, אום הנאה צו האבען פון איהם אזוי וויא ער איז. אבער אויך אזא וויא ער איז געווען, איז ער געווען פרעכטיג מיט זיינע בלאנדע לאקען, בלויע אויגען און פולע גלייכע פיסלעך אין שטייף אנגעצויגענע זאקען.

אננא האט געפיהלט א פיזישען תענוג אין זיין בעריהרונג און זיין צערטליכקייט און אויך א מאראלישע בערוהיגונג, ווען זיא האט בעגעגענט זיין איינפאכען, פערטרויענדען און ליעבליכען בליק און געהערט זיינע נאאיווע פראגען. אננא האט ארויסגענומען דיא מתנות, וועלכע דאלי'ס קינדער האבען איהם געשיקט און זיא האט איהם דערצעהלט, וואס פאר א מיידעלע טאניא עס איז פאראן אין מאסקווע און וויא דיא דאזיגע טאניא קען לעזען און לערנט נאך אפילו דיא איבעריגע קינדער.

— וואס בין איך, ערגער פון איהר? — האט געפרעגט סעריאזשא.

— פאר מיר ביסט דוא דער בעסטער פון אלע אויף דער וועלט.

# אננא קארענינא

— איך ווייס דאָס — האָט געזאָגט סעריאָזשא מיט אַ שמייכעל.

אננא האָט נאָך ניט בעוויזען אָבצוטרינקען איהר קאפּעע, וויא מען האָט שוין געמעלדעט וועגען דער גרעפין לידיא איוואנאָוונא.

גרעפין לידיא איוואנאָוונא איז געוועזען אַ הויכע, פולע פרויענצימער, מיט ניט קיין געזונדען געלען געזיכטס־פארב און מיט שעהנע פערטראַכטע, שווארצע אויגען. אננא האָט געליעבט דיא גרעפין, אָבער היינט האָט זיא, אזוי וויא דאָס ערשטע מאָהל, דערזעהען זיא מיט אַלע איהרע חסרונות.

— נו, וויא, מיין פריינד, האָט איהר דערלאַנגט דעם פריעדענס־צווייג ?— האָט אַ פרעג געטאָהן גרעפין לידיא איוואנאָוונא, וויא נור זיא איז אריין אין צימער.

— יא, אַלעס געענדיגט. אָבער עס איז גאָר ניט געוועזען אזוי וויכטיג וויא מיר האָבען געמיינט — האָט געענטפערט אננא — אין אַלגעמיין איז מיין שעהנע שוועגערין צו ענטשלאָסען.

אָבער גרעפין לידיא איוואנאָוונא, וועלכע האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלעס, צו וואָס זיא האָט קיין שום שייכות ניט, האָט געהאַט דיא געוועהנהייט ניט צוצוהערען זיך צו דאָס וואָס אינטערעסירט איהר, און זיא האָט גלייך איבער־געשלאָגען אננאַן:

— יא, גענוג צרות און שלעכטס איז פאַראַן אויף דער וועלט, און איך בין היינט אזוי אויסגעמאַטערט.

— וואָס איז ? — האָט געפרעגט אננא, און האָט זיך איינגעהאַלטען ניט צו שמייכלען.

— איך הויב אָן מיעד צו ווערען פון שטענדיגען ברעכען אומזיסט מיינע פיילען פאַר דעם אמת און פיהל זיך צייטענווייז אין גאַנצען צושרויפט. דיא אנגעלעגענהייט פון דיא שוועסטערלעך (דאָס איז געוועזען אַ פילאַנטראָפּיש־רע־ליגיעז־פּאַטריאָטישע אינסטיטוציאָן) וואָלט געגאַנגען זעהר גוט, אָבער מען קאָן מיט דיא דאָזיגע לייטע גאָרנישט מאַכען, — האָט געזאָגט לידיא איוואנאָוונא מיט אַ שפּאָסהאַפטער אונטערטעניגקייט צום שיקזאַל — זיי האָבען זיך געכאַפּט פאַר אַ געדאַנק, האָבען איהם צוקריפּעלט און דערנאָך אורטהיילען זיי נאָך אזוי קליינ־ליך, אזוי אונווירדיג. בלויז צוויי־דריי מענשען, און אייער מאַן איז איינער פון זיי, פאַרשטעהען דיא וויכטיגע בעדייטונג פון דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט און די איבעריגע שעדיגען בלויז. נעכטען ערהאַלט איך אַ בריעף פון פּראַוודינען, וואו ער שרייבט מיר...

פּראַוודין איז געוועזען אַ געוויסער פּאַנסלאַוויסט אין אויסלאַנד און דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא האָט אָנגעהויבען דערצעהלען וואָס ער האָט איהר גע־שריבען אין דעם בריעף צו איהר. דערנאָך האָט זיא דערצעהלט וועגען אונאַנ־גענעהמליכקייטען און שטערונגען אין דער ארבייט צו פעראייניגען אַלע קירכען אין איין פערבאַנד, און איילענדיג אַליין, ווארום זיא דאַרף דעם טאָג נאָך זיין אויף אַ זיצונג פון אַ געוויסער געזעלשאַפט און דאַרף נאָך זיין אין סלאַווישען קאָמיטעט.

„דאָס איז דאָך אַל״״ געווען פריהער אויך; נור פאַר וואָס האָב איך דאָס עפּעס ביז איצט ניט באַמערקט? — האָט זיך געזאָגט אננאַ — אָדער איז זיא היינט זעהר אויפגערעגט? און ווירקליך, דאָס איז דאָך קאָמיש: איהר צוועק איז וואָהלטהאַט, זיא איז אַ קריסטין, און זיא איז דורכאויס בייז, און נור זיא האָט שונאים, און דאָס זיינען אַלץ שונאים פון קריסטענטהום און פון וואָהלטהעטיגקייט.“

נאָך דער גרעפין לידיא איוואַנאָוונאַ איז געקומען צו פאָהרען צו בעזוך איהר פריינדין, דעם דירעקטאָרס פרוי, און האָט דערצעהלט אַלע שטאָדט־נייעס. אום דריי אוהר איז זיא אויך אַוועקגעפאָהרען, פערשפּרעכענדיג אַז זיא וועט זיין צו אַבענד צוריק. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען אין מיניסטערסטוואַ. בלייבענדיג אַליין האָט אננאַ איהר צייט ביז מיטאַג־עסען פערנומען מיט איהר זוהן אין דער צייט פון זיין מיטאַג (ער האָט געמיטאַגט בעזונדער) און מיט בריינגען אין אָרדנונג איהרע זאַכען, איבערלעזען און ענטפערען אויף בריעף, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען אויף איהר טיש.

דאָס געפיהל פון גרונדלאָזער שאַנדע, וואָס זיא האָט געפיהלט אין וועג, און איהר אויפרעגונג זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען. אין דיא אַלטעגליכע אומשטענדען פון לעבען האָט זיא זיך געפיהלט וויד ער פעסט און פאָרוואורפסלאָז.

מיט פערוואונדערונג האָט זיא זיך דערמאָנט אויף איהר נעכטיגען צושטאַנד. „וואָס איז דען פאָרגעקומען? גאָרנישט. ווראָנסקי האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט, צו וועלכער מען קאָן לייכט מאַכען אַ סוף, און איך האָב געענטפערט, וויא עס דאַרף צו זיין. דערצעהלען דעם מאַן וועגען דעם דאַרף מען ניט און מען טאָר ניט. ריידען וועגען דעם — הייסט עס צוגעבען וויכטיגקייט צו אַן אונוויכטיגער זאַך.“ זיא האָט זיך דערמאָנט וויא זיא האָט אַמאָל דערצעהלט וועגען אַ ליעבעס־ערקלעהרונג, וואָס עס האָט איהר געמאַכט אין פּעטערסבורג אַ יונגער אונטערגעאָרדענטער פון איהר מאַן, און וויא אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט איהר געענטפערט, אַז לעבענדיג אין געזעלשאַפט קאָן זיך יעדער פרוי אָנשטויסען אויף עטוואָס אַזעלכעס, נור אַז ער פערטרויט פאָלשטענדיג איהר טאַקט און וועט קיין מאָל ניט ערלויבען צו ערניעדריגען זיא און זיך ביז אייפערזוכט. „הייסט דאָס, אַז עס איז ניטאָ וועגען וואָס צו ריידען. און דאַנקען גאָט עס איז ניטאָ אויך וואָס צו ריידען“ — האָט זיא זיך געזאָגט.

28.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך צוריקגעקעהרט פון מיניסטערסטוואַ אום פיער אוהר, נור, וויא דאָס האָט אָפט פּאַסירט, האָט ער קיין צייט ניט געהאַט אַריינצוגעהן צו איהר. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט אויפצונעהמען דיא וואָס זיינען געקומען מיט בקשות און האָט אונטערצייכענט איינינע פּאַפּיערען, וועלכע דער קאָנצעלאַריע־פערוואַלטער האָט געבראַכט. צום מיטאַג (ביי דיא קארענינס זיינען אימער ביי אַ דריי געסט געגאַנגען צום טיש) זיינען געקומען צו פאָהרען: אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס אַלטע קוזינע, דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט מיט זיין פרוי און איין יונגער מענש, וועלכער איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען אַברעקאָמענדירט געוואָרען פיר אַ שטעלע. אננאַ איז אַריין אין

גאסט־צימער אום צו אונטערהאלטען דיא געסט. פונקט אום פינף אוהר, ווען דער בראָנזענער זייגער פיאָטר דער ערשטער האָט נאָך ניט בעוויזען צו דערשלאָגען דעם פינפטען קלונג, וויא אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז ארויסגעקומען אין א ווייסען האלזטוך און אין א פראק מיט צוויי מעדאליען, ווארום ער האָט געדארפט פאָהרען באלד נאָך מיטאג.

יעדע מינוט פון אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשעס לעבען איז געווען פערנומען און בעשטימט. און ער זאָל קענען בעוויזען צו טאָהן דאָס וואָס ער האָט בעשטימט צו טאָהן דעם קומענדען טאָג, האָט ער אָבגעהיט דיא שטריינגסטע פינקטליכקייט. „ניט געאיילט און ניט גערוהט“ איז געווען זיין דעוויז. ער איז אריין אין זאל, האָט אלעמען געגריסט און האָט זיך שנעל געזעצט, צושמייכלענדיג צו זיין פרוי.

— יא, א סוף צו מיין איינזאמקייט. דוא וועסט ניט גלויבען, וויא אונבעקוועם עס איז (ער האָט אונטערשטריכען דאָס וואָרט א ו נ ב ע ק ו ו ע ם) צו עסען מיטאג איינער אליין.

ביים טיש האָט ער געשמועסט מיט דער פרוי וועגען מאָסקווער אנגעלעגענהייטען, האָט מיט א שפּאסהאפטען שמייכעל נאָכגעפרעגט זיך וועגען סטעפאן ארקאדיעוויטש; אָבער דאָס געשפרעך איז געווען הויפּטזעכליך וועגען אלגעמיינע זאכען — וועגען פּעטערסבורגער אמטליכע און געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען. נאָך מיטאג האָט ער פערבראכט א האלבע שטונדע מיט דיא געסט און ווידער א דריק טאָהנדיג דיא פרוי׳ס האנד מיט א שמייכעל, איז ער ארויסגעגאנגען און איז אוועק אין מיניסטאָרען־ראטה.

אננא איז דעם מאָהל ניט ארויסגעפאָהרען, ניט צו דער פירסטין בעטסי טווערסקאיא, וועלכע האָט זיא איינגעלאדען צו זיך אויפ׳ן אבענד ווען זיא האָט זיך דערוואוסט אז זיא איז שוין געקומען צו פאָהרען, און ניט אין טהעאטער, וואו זיא האָט געהאט א לאָזשע פאר דעם דאָזיגען אבענד. זיא איז ניט געפאָהרען הויפּטזעכליך איבער דעם, ווייל דאָס קלייד וואָס זיא האָט ערווארט איז נאָך ניט פארטיג געווען. אין אלגעמיין איז אננא געווען אין פערדרוס ווען זיא האָט זיך גענומען פאר איהר טואלעט נאָך דעם וויא דיא געסט זיינען אוועק. בעפאָר איהר אבפאָהרען קיין מאָסקווע האָט זיא געגעבען דער מאָדיסטקע דריי קליידער איבערצומאכען. זיא איז געווען א בריה צו קליידען זיך ניט טהייער. דיא דריי קליידער האָט זיא בעשטעלט איבערצומאכען אזוי, אז מען זאָל ניט דערקענען, אז זיי זיינען ניט קיין נייע און זיי האָבען געדארפט זיין נאָך מיט דריי טעג צוריק.

עס האָט זיך ארויסגעלאָזען אז צוויי קליידער זיינען נאָך גאָר ניט פארטיג געווען, און דאָס דריטע איז געווען געמאכט ניט אזוי וויא אננא האָט געוואָלט. דיא מאָדיסטקע איז געקומען פארענטפערען זיך, ערקלעהרענדיג אז אזוי וויא זיא האָט געמאכט איז בעסער, און אננא האָט זיך צוהיצט איבער דעם אזוי, אז איהר האָט דערנאָך פערדראָסען צו דערמאהנען זיך וועגען דעם. אום אין גאנצען צו בערוהיגען זיך איז זיא אוועק אין קינדער־צימער און האָט דעם גאנצען אבענד פערבראכט מיט איהר זוהן. האָט איהם איינגעלייגט שלאָ־

פען, האָט איהם איבערגע'צלם'ט און האָט איהם אַליין איינגעדעקט. זיא איז גערן געוועזן וואָס זיא איז ערגעץ ניט געפאָהרען און האָט אַזוי גוט פערבראכט דעם אבענד. איהר איז אַזוי גרינג און רוהיג געווען אויפ'ן הארצען, אַזוי קלאהר האָט זיא איצט געזעהען, אַז אַלעס דאָס, וואָס איהר האָט זיך אויפ'ן וועג פאָרגעשטעלט אַלס אַזוי וויכטיג, איז געווען בלויז איינער פון דיא געוועהנליכע צופעלע פון געזעלשאַפטליכען לעבען און זיא האָט ניט פאַר זיך און ניט פאַר קיינעם וואָס צו שעהמען זיך.

זיא האָט זיך געזעצט ביים קאַמין מיט דעם ענגלישען ראָמאַן און האָט געוואַרט אויף איהר מאַן. פונקט האַלב צעהן האָט זיך דערהערט זיין קלונג, און ער איז אַריין אין צימער.

— ענדליך ביסט דוא געקומען! — האָט זיא געזאָגט, דערלאַנגענדיג איהם דיא האַנד.

ער האָט אַ קוש געטהאָן איהר האַנד און האָט זיך געזעצט לעבען איהר.

— איך זעה, אַז אין אַלגעמיין איז דיין רייזע געווען מיט ערפאָלג — האָט ער איהר געזאָגט.

— אַ, זעהר — האָט זיא געענטפערט און האָט איהם אָנגעהויבען דערצעהלעז אַלעס פון אָנהויב אָן: איהר רייזע צוזאַמען מיט דער פירסטין וראָנסקי, וויא זיא איז אָנגעקומען אין מאָסקווא, וועגען דעם אונגליקספאַל אויפ'ן אייזענבאהן. דערנאָך האָט זיא דערצעהלט דעם רחמנות'דיגען איינדרוק, וואָס דער ברודער האָט אויף איהר געמאַכט און דערנאָך איהר רחמנות אויף דאָלי.

— איך רעכען ניט, אַז מען קאָן פערצייהען אַזאַ מענשען, ווען אפילו ער איז דיין ברודער — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש שטריינג.

אננא האָט אַ שמייכעל געטאָהן. זיא האָט פערשטאַנען אַז ער זאָגט דאָס מיט אַ כיון, אום צו ווייזען אַז ניט קוקענדיג אויף קרובה'שאַפט פון דעסטוועגען וועט ער זיך ניט צוריקהאַלטען פון ארויסצוזאָגען זיין אויפריכטיגע מיינונג. זיא האָט געוואוסט פון דעם דאָזיגען כאַראַקטערצוג אין איהר מאַן און האָט דאָס געליעבט אין איהם.

— איך בין גערן וואָס דאָס אַלעס האָט זיך גוט געענדיגט און וואָס דוא ביסט שוין געקומען צופאָהרען — האָט ער פאָרטגעזעצט — נו, וואָס רעדט מען דאָרט וועגען דעם נייעם געזעץ־פּראָיעקט, וועלכען איך האָב דורכגעפיהרט אין ראַטה.

אננא האָט קיין זאַך ניט געהערט וועגען דעם דאָזיגען פּראָיעקט און איהר איז געוואָרען פערדרוסליך, וואָס זיא האָט אַזוי לייכט געקאָנט פארגעסען וועגען אַזאַ אַנגעלעגענהייט, וואָס פאַר איהם איז אַזוי וויכטיג.

— און דאָ האָט דאָס, פאַרקעהרט, געמאַכט אַזאַ רושם — האָט ער געזאָגט מיט אַ זעלבסט צופרידענעם שמייכעל.

זיא האָט געזעהען אַז ער וויל איהר עפּעס דערצעהלען, וואָס פאַר איהם איז אַנגענעהם אין דיעזער אַנגעלעגענהייט, און זיא האָט דורך פראַגען איהם ארויפגעפיהרט, אַז ער זאָל אָנהויבען דערצעהלען. ער האָט מיט דער־

# אננא קארענינא

זעלבער זעלבסט צופריעדענהייט דערצעהלט איהר וועגען דיא אוואציען, וואס ער האט בעקומען פאר זיין געזעץ־פראיעקט.

— איך בין זעהר, זעהר גערן געווען דערפון. דאס בעווייזט אז ענדליך הויבט זיך ביי אונז אן איינצושטעלען א פערנינפטיגער און פעסטער בליק וועגען דער דאזיגער אנגעלעגענהייט.

אויסטרינקענדיג זיין צווייטע גלאז טהעע מיט צובייסען האט זיך אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש אויפגעהויבען און איז אוועק צו זיך אין קאבינעט.

— וואס לעזט דוא איצט? — האט זיא געפרעגט.

— איך לעז איצט דיוק דע ליל'ס „פאעזיע דעזאנפאר" — האט ער גע־ענטפערט — זעהר א מערקווירדיגעס בוך.

זיא האט א שמייכעל געטאהן, וויא מען שמייכעלט פון דיא שוואכקיי־טען פון מענשען. וועלכען מען האט ליעב, און נעהמענדיג איהם געארעמט האט זיא איהם בעגלייט צום קאבינעט. זיא האט געוואוסט פון זיין געוועהנ־הייט, אבענדס צו לעזען, וואס איז געווארען פאר איהם אן אונפערמיידליכ־קייט.

זיא האט געוואוסט אז ניט קוקענדיג דערויף וואס זיין גאנצע צייט איז געווען פערשלונגען פון אמטליכע פפליכטען, האט ער גערעכענט פאר זיין אויפ־גאבע נאכצופאלגען אלעס בעדייטענדעס, וואס עס ערשיינט אין דער גייסטי־גער וועלט. זיא האט אויך געוואוסט, אז איהם האבען ווירקליך אינטערעסירט פאליטישע ווערק, פילאזאפישע, טהעאלאגישע, נור קונסט איז געווען אין גאנצען פרעמד פאר זיין נאטור, אבער ניט קוקענדיג דערויף, אדער בעסער צו זאגען, מחמת דעם גופא, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש ניט דורכגעלא־זען קיין זאך, וואס עס האט עפעס געמאכט א רעש אין דער וועלט פון קונסט, און האט געהאלטען אלס פפליכט אלעס צו לעזען. זיא האט געוואוסט, אז אין דעם קרייז פון פילאסאפיע, פאליטיק און טהעאלאגיע איז אלעקסיי אלעקסאנדרא־וויטש געווען סקעפטיש, אדער האט געפארשט, געזוכט; אבער אין פראגען פון קונסט און פאעזיע, בעזונדער נאך אין מוזיק, וואס ער האט לחלוטין ניט בעגריפען, זיינען ביי איהם געווען דיא בעשטימטסטע, פעסטעסטע מיי־נונגען.

ער האט ליעב געהאט צו ריידען וועגען שעקספיער, ראפאעל, בעטכאווען, וועגען דער בעדייטונג פון נייע שוהלען אין פאעזיע און מוזיק, וועלכע זיינען ביי איהם געווען איינגעטהיילט זעהר קלאהר און קאנסעקווענט.

— נו, גאט איז מיט דיר — האט זיא געזאגט לעבען טיהר פון קאבינעט, וואו עס איז שוין געווען אנגעגרייט פאר איהם אן אבאזשור אויפ'ן ליכט און א פלאש וואסער לעבען זיין פוטעל — און איך וועל שרייבען קיין מאסקווא.

ער האט א דריק געטאהן איהר האנד און האט זיא ווידער א קוש גע־טאהן.

„פון דעסטוועגען איז ער א גוטער מענש: א ווארהייטליכער, א גוטער און א בעדייטענדער אין זיין ספערע — האט זיך געזאגט אננא, אומקעהרענדיג זיך אזוי וויא זיא וואלט איהם פערטיידיגען געגען עמיצען, וועלכער האט איהם

בעשולדיגט און געזאָגט, אז מען קאָן אזא ניט ליעב האָבען — נור פאר וואָס סטארטשען עפּעס אזוי ארוים זיינע אויערען ! אָדער ער האָט זיך אָבגעשאָרען ? . . .“

פּונקט אום צוועלף אוהר, ווען אננא איז נאָך געזעסען ביים שרייב־טיש, דערשרייבענדיג א בריעף צו דאללי, האָבען זיך דערהערט מעסיגע טריט אין שטעק־שיך, און אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, אן איינגעוואשענער, א צוגעקאמטער, מיט'ן בוך אונטערן ארעם איז צוגעגאנגען צי איהר.

— צייט, צייט — האָט ער געזאָגט עפּעס בעזונדער שמייכלענדיג, און ער איז אוועק אין שלאָפצימער.

„און וואָס פאר א רעכט האָט ער געהאט צו קוקען אויף איהם אזוי ?“ האָט א טראכט געטאָהן אננא, עראינערענדיג זיך וויא ווראנסקי האָט געקוקט אויף אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש.

זיא האָט זיך אויסגעטאָהן און איז אריין אין שלאָפצימער, אָבער אויף איהר פּנים איז ניט נור ניט געווען יענע לעבעדיגקייט, וועלכע האָט אזוי געשפּריצט פון איהרע אויגען און פון איהר שמייכעל, ווען זיא איז געווען אין מאָסקווא, נור פארקעהרט, איצט האָט אויסגעוויזען דער פייער אין איהר אלס אויסגעלאָשען אָדער ווייט ערגעץ בעהאלטען.

.36

אוועקפאָהרענדיג פון פּעטערסבורג האָט ווראנסקי זיין קוואַרטיר אויף מאָרסקאיא איבערגעלאָזען זיינעם א פריינד און געליעבטען חבר פּעטריצקי'ן.

פּעטריצקי איז געווען א יונגער אָפיצער, ניט זעהר קיין בעוואוסטער און ניט נור ניט קיין רייכער, נור ארום און ארום אין שולדען, צו אבענד שטענדיג א שיכור'ער און פלעגט אָפט פאר פערשיעדענע, אי קאָמישע אי שמוציגע געשיכטעס אריינגעזעצט ווערען אין האופּטוואכטע, אָבער איז געווען געליעבט פון דיא חברים און פון נאטשאלסטווא. צופאָהרענדיג א זייגער צוועלף פון אייזענבאהן צו זיין קוואַרטיר, האָט ווראנסקי דערזעהען ביי'ם צופאָהר א בעקאנטע געדונגענע קארעטע. שטעהענדיג נאָך פאר דער טיהר האָט ער אלס ענטפער אויף זיין אָנקלינגען דערהערט דעם געלעכטער פון מענער און דיא פלאפלעריי פון א פרויענצימער און פּעטריצקיס געשריי : „אויב דאָס איז ווער ניט איז פון גזלנים, זאָל מען ניט אריינלאָזען !“

ווראנסקי האָט דעם דינער ניט געהייסען זאָגען וועגען זיך און איז שטילינקערהייט אריין אין ערסטען צימער. באראָנעסע שילטאָן, פּעטריצקיס א פריינדין, אין א לילע־אטלאסנעם קלייד און מיט א רויטליכען בלאָנדען פּנים'על איז געזעסען לעבען רונדען טיש און האָט געקאָכט קאפע, אָנפילענדיג דעם גאנצען צימער מיט איהרע פאריזער ריידעריי. ארום איהר זיינען געזעסען פּעטריצקי אין

# אננא קארעינינא

א מאנטעל און דער ראָטמיסטער קאמאראווסקי אין פולער אוניפאָרם, וואהרשיינ־ליך ערשט פון דינסט.

— בראווא! ווראנסקי! — האָט זיך צושריען פעטריצקי אויפשפרינגענ־דיג און דונערנדיג מיט דער שטוהל — אליין דער בעל־הבית! באראָנעסע, קאפעע פאר איהם פון דער נייער קאפפע־קענדעל. אָט אויף ווע‎מען מיר האָבען זיך ניט געריכט! איך האָף אז דוא ביסט צופריעדען מיט דער בעפוצונג פון דיין קאבינעט

— האָט ער געזאָגט אָנווייזענדיג אויף דער באראָנעסע — איהר זייט דאָך בע־קאנט?

— און נאָך וויא! — האָט געזאָגט ווראנסקי, פרעהלאך שמייכלענדיג און דריקענדיג דיא באראָנעסעס קליינע הענטעל — וויא דען, אַן אלטער פריינד!

— איהר זייט געקומען אהיים פון וועג — האָט געזאָגט דיא באראָנעסע — אנטלויף איך שוין. אך, איך פאָהר דיזע מינוט, אויב איך שטער.

— דאָרט וואו איהר זייט, זייט איהר אין־דער־היים, באראָנעסע — האָט געזאָגט ווראנסקי — וואָס מאכסט דוא, קאמאראווסקי — האָט ער צוגעלייגט קאַלט דריקענדיג קאמאראווסקי'ס האנד.

—זעהט איהר, איהר קענט קיין מאָהל ניט זאָגען אזעלכע גוטינקע זא־כען — האָט זיך דיא באראָנעסע א ווענד געטאָהן צו פעטריצקין.

— ניין, פאר וואָס עפעס? נאָך מיטאָג וועל איך אויך קענען זאָגען ניט ערגער.

— יא, נאָך מיטאג איז דאָך דאָס ניט קיין גרויסע פערדינסט! נו, וועל איך אייך געבען קאפעע, געהט וואשט זיך איין און טראָגט זיך אָב — האָט געזאָגט דיא באראָנעסע, זעצענדיג זיך ווידער און אויפמערקזאם אָבדרעהענדיג א שריי־פעל אין דער נייער קאפעע־קענדעל. — פיער, דערלאַנגט קאפעע — האָט זיא זיך געוואנדעט צו פעטריצקי, וועלכען זיא האָט גערופען אויף פראנצויזיש פיער אי־בער זיין פאמיליע פעטריצקי, ניט בעהאלטענדיג איהרע בעציהונגען צו איהם.

— איהר וועט בלויז פערדארבען.

— ניין, איך וועל ניט פערדארבען! נו, און אייער פרוי? — האָט גע־זאָגט פלוצלונג דיא באראָנעססע, איבערשלאָגענדיג ווראנסקים געשפרעך מיט זיין חבר — מיר האָבען דאָך דאָ אייך חתונה געמאכט. האָט איהר געבראַכט צו־פיהרען אייער פרוי.

— ניין, באראָנעססע. איך בין געבאָרען געוואָרען א ציגיינער און וועל שטארבען א ציגיינער.

— דאָס איז בעסער, דאָס איז שעהנער. גיט א האנד.

און דיא באראָנעסע האָט שוין ניט אָבגעלאָזען ווראָנסקין; זיא האָט איהם אָנגעהויבען דערצעהלען, אויסגעמישט מיט וויצען, איהרע לעצטע פלע־נער פון לעבען און האָט געפרעגט זיין עצה.

— ער וויל מיר אלץ ניט געבען קיין גט! נו וואָס זשע זאָל איך טאָהן? (ע ר — דאָס איז געווען איהר מאן) איך וויל איצט אָנהויבען א פראָצעס. וויא גיט איהר מיר אן עצה? קאמעראווסקי, גיט דאָך אכטונג אויף דיא קאפעע — איז אוועק, איהר זעהט דאָך אז איך בין פערנומען מיט געשעפטען! איך וויל

אנהויבען א פראצעס דערפאר, ווייל איך דארף האבען מיין פארמעגען. איהר פארשטעהט וואס פאר א נארישקייט, אז איך בין איהם כלומר'שט אונטריי—האט זיא געזאגט מיט פעראכטונג — און דעריבער וויל ער זיך בענוצען מיט מיין פערמעגען.

ווראנסקי האט הנאה געהאט צו הערען דיא דאזיגע פרעהליכע פלאפלעריי פון א שעהנינקע פרויענצימער, האט צוגעשטימט ווילע־וויץ און ווילע־וויץ האט ער איהר געגעבען האלב־וויצעלדיגע עצות און האט אין אלגעמיין באלד אנגענומען דעם טאן, וועלכען ער איז געוועהנט געווארען צו געברויכען מיט דעם מין פרויענצימער. אין זיין פעטערסבורגער וועלט זיינען אלע מענשען איינגעטהיילט געווארען אין צוויי גאנץ געגענגעזעצטע סארטען, איינער, א נידריגער סארט באשטעהט פון ביליגע, נארישע און הויפטזעכליך קאמישע מענשען, וועלכע גלויבען, אז איין מאן דארף לעבען מיט איין פרוי, מיט דער, מיט וועלכער ער האט חתונה געהאט ; אז א מיידעל דארף זיין אונשולדיג, א פרויענצימער שעהמעוודיג, א מאן מענליך, צוריקגעהאלטען און פעסט ; אז מען דארף ערציהען קינדער, פערדינען אליין זיין ברויט, צאהלען חובות און נאך אנדערע אזעלכע דומהייטען. דאס איז א סארט פון אלטמאדישע און לעכערליכע מענשען. אבער עס איז געווען נאך א סארט מענשען,ווירקליכע, צו וועלכע זיי אלע בעלאנגען, אין וועלכען מען דארף הויפטזעכליך זיין עלעגאנט, גרויסמוטהיג, דרייסט, פרעהלאך, איבערגעבען זיך יעדער ליידענשאפט ניט רויט ווערענדיג און פון אלעם אנדערע אבלאכען.

ווראנסקי איז געווארען בלויז צוטומעלט אין דער ערשטער מינוט נאך דיא איינדריקע פון אן אנדער וועלט גאר, וועלכע ער האט געבראכט פון מאסקווע; באלד טאקע, וויא ער וואלט אריינגערוקט דיא פיס אין אלטע שטעק־שיך, איז ער שוין געווען אין זיין פריהעריגער פרעהליכער און אנגענעהמער וועלט.

דיא קאפעע האט טאקע ניט אויפגעקאכט, האט נור אלעמען פארשפריצט און האט טאקע אויפגעטאהן דאס, וואס עס האט זיך געפאדערט, דאס הייסט. האט נעגעבען א געלעגענהייט צו טומעל, רויש און לארעם און האט פערגאסען דעם טהייערען טעפיך און דיא באראנעססע'ס קלייד.

— נו איצט אדיע, אז ניט וועט איהר זיך דאך קיין מאהל ניט איינוואשען, און אויף מיין געוויסען וועט זיין דער גרעסטער פארברעכען פוז אן אנשטענדיגען מענשען — אונריינליכקייט, גיט איהר אן עצה, הייסט דאס, א מעסער צום האלז ?

— ניט אנדערש, און אזוי, אז אייער הענטעלע זאל זיין געהנטער צו זייגע ליפען. ער וועט א קוש טאהן אייער הענטעל און אלעם וועט זיך ענדיגען צו גוטען — האט געענטפערט ווראנסקי.

— הייסט דאס היינט אין פראנצויזישען ! — און, רוישענדיג מיט איהר קלייד, איז זיא פערשוואונדען.

קאמעראוווסקי האט זיך אויך אויפגעהויבען, און ווראנסקי, ניט דערווארטענדיג זיך ביז ער וועט אוועק, האט איהם דערלאנגט דיא האנד און איז אוועק אין באדע־צימער. אין דער צייט ווען ער האט זיך איינגעוואש־

שען, האָט ער איהם אין קורצע שטריכען געשילדערט זיין לאַגע, אויף וויפיעל זיא האָט זיך געענדערט נאָך ווראנסקים אוועקפאָהר. פון געלד איז קיין זכר ניטאָ. דער פאָטער האָט ערקלעהרט, אַז ער וועט ניט געבען און וועט ניט דעקען זיינע שולדען. איין שניידער וויל איהם אריינזעצען א:ן אן אנדער שניידער סטראַשעט איהם אויך אריינצוזעצען. דער מיליטער־קאָמאַנדיר האָט ערקלעהרט, אַז אויב דיא סקאַנדאַלען וועלען ניט אויפהערען, דאן דארף מען ארוים. דיא באַראָנעססע האָט שוין דערעסען, וויא א ביטערער רעטאַך, הויפּטזעכליך נאָך דערמיט, וואָס זיא וויל איהם אַלץ געבען געלד. אָבער עס איז פאַראַן איינע, ער וועט זיא ווייזען ווראנסקין, א וואונדער, אַ פּראכט, אין שטריינג אָריענטאַלישען סטיל. פון׳ם „זשאַנר שקלאַפין רעבעקקאַ“ פערשטעהסט. מיט בערקעשאָוועז צוזידעלט זיך און ער האָט געוואָלט שיקען סעקונדאַנטען, נור עס וועט דערפון גאָרנישט זיין, פארשטעהט זיך. אין אַלגעמיין איז אַלעס צוגעגאַנגען זעהר פרעהלאַך און גרויסאַרטיג.

און ניט לאָזענדיג דעם חבר אריינטראַכטען זיך אין דיא איינצעלהייטען פון זיין לאַגע, האָט פּעטריצקי זיך אוועקגעלאָזען דערצעהלען איהם אַלע אינטערעסאַנטע נייעס. הערענדיג פּעטריצקים געגוג בעקאַנטע ערצעהלונגען אין דער גוט בעקאַנטער אטמאספערע פוּן זיין דריי־יאָהריגער קווארטיר, האָט ווראנסקי געפיהלט אנגענעהם פון זיין צוריקקעהרען זיך צו זיין געוועהנטען זאָרגלאָזען פּעטערבורגער לעבען.

— עס קאָן ניט זיין! — האָט ער אויסגעשריען, אָבהאַלטענדיג דעם שטראָם וואסער, וועלכען ער האָט געגאָסען אויף זיין רויטען געזונדען נאַקען — איז זיך צונויפגעקומען מיט מילעיוון און האָט אוועקגעוואָרפען פערטינגהאפען — און ער איז נאָך אַלץ אזוי דום און צופריעדען? נו, און בוזולוקאָוו?

— אַך, מיט בוזולוקאָווען איז געוועזן א געשיכטע — פּרעכטיג! — האָט אויכגעשריען פּעטריצקי — ווייסט דאָך, זיין ליידענשאַפט איז בעלער, און ער לאָזט דאָך ניט דורך קיין איין האָף־באַל. נו, איז ער אוועק אויף דעם גרויסען באַל אין א נייער קאַסקע (מיליטערישע הוט). דוא האָסט געזעהען דיא נייע פאָרמע קאַסקעס? זיי זיינען זעהר גוט, לייכט. נו, שטעהט ער אזוי... ניין, הער א געשיכטע.

— איך הער דאָך — האָט געענטפערט ווראָנסקי, רייבענדיג זיך מיט׳ן מאַכיגען האַנטוך.

— געהט אזוי פערביי איהם דיא גרויספירסטין מיט עפּעס א געזאנדטען, און אויף זיין אונגליק דאַרף זיך ביי זיי אָנהויבען א געשפּרעך וועגען דיא נייע פאָרמע קאַסקעס. דיא גרויספירסטין האָט דעם געזאנדטען געוואָלט ווייזען א נייע קאַסקע... זעהען זיי, אַז אונזער טייבעלע שטעהט. (פּעטריצקי האָט דאָ געוויזען וויא בוזולוקאוו איז געשטאַנען מיט דער קאַסקע) בעט איהם דיא גרויספירסטין דערלאַנגען איהר זיין קאַסקע — ער גיט ניט. וואָס הייסט? מען ווינקט צו איהם, מען פינטעלט צו איהם, מען בלאָזט זיך בייז. גיב דיין קאַסקע. ער גיט ניט. שטעהט א פערגליווערטער. דוא קאָנסט זיך פאָרשטעלען!... נור דער ... אָ.

וויא רופט מען איהם... וויל שוין ביי איהם נעהמען דיא קאסקע... ער גיט ניט! נו, האָט ער אראָבגעריסען פון איהם דיא קאסקע און דערלאנגט דער גרויספירסטין. אָט דאָס איז דיא נייע פאָרמע, זאָגט דיא גרויספירסטין. וויא זיא האָט אָבער נור א קעהר געטאָהן דיא קאסקע — בוך, האָט זיך פון דאָרט א שאָט געטאָהן בארנעס, קאָנפעקטען, צוויי פונט קאָנפעקטען!... ער האָט דאָס אלץ אָנגעקליבען אהין, טייבעלע!...

ווראנסקי האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער. און לאנג נאָך דעם, ווען ער האָט שוין גערעדט וועגען אנדערע זאכען, האָט ער נאָך אלץ געקייכט מיט זיין געזונדען געלעכטער, אויסשטעלענדיג זיינע געזונדע צייהן, ווען ער האָט זיך דערמאָהנט וועגען דער קאסקע.

נאָך דעם ווי ער האָט שוין געוואוסט אלע נייעס, האָט ווראָנסקי מיט דער הילף פון לאָקיי אָנגעטאָהן זיין מונדיר און געפאָהרען מעלדען זיך. נאָכ'ן מעלדען זיך האָט ער גערעכענט אריבערצופאָהרען צום ברודער, צו בעטסי, און אָבשטאטען נאָך עטליכע וויזיטען אום אָנצוהויבען בעזוכען יענע געזעלשאפט, וואו ער האָט געקאָנט בעגעגענען קארענינא. וויא אימער ווען ער איז געווען אין פעטערסבורג, איז ער אוועק פון דער היים, האָבענדיג אין זינען ניט צוריקקעהרען זיך ביז שפעט אין דער נאכט.

# אננא קארענינא

## צווייטער טהייל

.1

ענדע ווינטער איז אין פירסט שטשערבאצקים הויז פאָרגעקומען א קאָנ־סיליום פון דאָקטוירים, וועלכע האָבען געדאַרפט ענטשיידען, אין וועלכען צו־שטאַנד געפינט זיך קיטי'ס געזונד און וואָס דאַרף פאָרגענומען ווערן, אז זיא זאָל קאָנען געווינען צוריק איהרע כחות. זיא איז געוועזן קראַנק, און מיט דעם אָנקו־מען פון פריהלינג איז איהר צושטאַנד געוואָרען ערגער. דער היימישער דאָקטאָר האָט איהר איינגעגעבען פיש־אייל, אייזען, לאפיס, נור אזוי וויא ניט דאָס ערשטע, ניט דאָס צווייטע און ניט דאָס דריטע האָט געהאָלפען און אזוי וויא ער האָט געראטהען, אז זיא זאָל צו פריהלינג אוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד, איז איינגעלאַדען געוואָרען א בעריהמטער דאָקטאָר. דער בעריהמטער דאָקטאָר, נאָך ניט קיין אל־טער און זעהר א שעהנער מאַנספּארשוין, האָט געפאָדערט צו אונטערזוכען דיא קראַנקע. ער איז מיט א בעזונדער פערגעניגען, דוכט זיך, בעשטאַנען דערויף, אז מיידעלשע שעהמעדיווקייט איז אן איבערבלייבעכץ פון בארבאריזם און אז עס קאָן קיין זאך ניט זיין נאַטירליכער, אלס דאָס וואָס נאָך ניט קיין אלטער מאַנס־פּארשוין זאָל ארומטאפּען א יונגע נאַקעטע מיידעל. ער האָט דאָס געפונען פאר גאַנץ נאַטירליך, ווארום ער האָט דאָס געטאָהן יעדען טאָג און האָט דערביי גאָר־נישט געפיהלט און האָט ניט געטראַכט, וויא איהם האָט זיך געדוכט, קיין שלעכטס, און דאַרום האָט ער שעהמעוודיגקייט אין א מיידעל גערעכענט ניט בלויז אלס אן איבערבלייבעכץ פון בארבאריזם, נור אויך אלס א בעליידיגונג פאר זיך.

מען האָט זיך געמוזט אונטערגעבען. ווארום ניט קוקענדיג דערויף וואָס אלע דאָקטוירים האָבען געלערענט אין דערזעלבער שוהל, פון דיזעלביגע ביכער, האָבען געוואוסט דיזעלביגע וויסענשאפט, און ניט קוקענדיג דערויף וואָס דער בעריהמטער דאָקטאָר איז געוועזן א שלעכטער דאָקטאָר, וויא אַנדערע האָבען געזאָגט, פון דעסטוועגען איז ביי דער פירסטין אין הויז און אין איהר קרייז געוועזן אנערקענט עפּעס, אז דער דאָזיגער בעריהמטער דאָקטאָר אליין ווייס עפּעס בעזונדערס און אז ער אליין נור קאָן ראטעווען קיטין.

נאָך דער אונטערזוכונג פון דער צוטומעלטער פון פארשעהמטקייט קראַנ־קער, איז דער בעריהמטער דאָקטאָר, אויסוואשענדיג זאָרגפעלטיג דיא הענד, געשטאַנען אין זאל און גערעדט מיט דעם פירסט. דער פירסט איז געוועזן פער־

וואָלקענט, האָט אונטערגעהוסט, הערענדיג דעם דאָקטאָר. ער, א מענש וואָס האָט שוין פיעל געלעבט, ניט קיין נאר און ניט קיין קראנקער, האָט ניט נעגלויבט אין קיין מעדיצין און איז ביי זיך אין הארצען געווען אויפגעבראכט גע־גען דער גאנצער דאָזיגער קאָמעדיע, און בפרט אז ער האָט געוואוכט, כמעט נור ער אליין האָט פאָלשטענדיג געוואוסט דיא אורזאכע פון קיטים קראנקהייט. דער דאָקטאָר האָט קוים געקאָנט צוריקהאַלטען דעם אויסדרוק פון פעראכטונג צו דעם דאָזיגען אַלטען פּריץ און האָט קוים געקאָנט אראָבלאָזען זיך ביז דער נידעריגקייט פון זיינע בעגריפען.

ער האָט פערשטאַנען אז מיט דעם אַלטען איז ניטאָ וואָס צו ריידען און אז דער הויפּט אין הויז איז דיא מוטער. פאר איהר האָט ער דאָס גערעכענט צוצושיטען זיינע פּערעל. אין דער מינוט איז דיא פירסטין אריינגעקומען מיט דעם הויז־דאָקטאָר. דער פירסט האָט אָבגעטראָטען, זוכענדיג אז מען זאָל ניט באמערקען וויא לעכערליך עס איז פאר איהם דיא גאַנצע קאָמעדיע. דיא פירסטין איז געווען צוטראמפּעלט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן. זיא האָט זיך געפיהלט שולדיג געגען קיטי.

— נו, דאָקטאָר, ענטשיידעט אונזער שיקזאל — האָט געזאָגט דיא פירסטין — זאָגט מיר אַלעס.

— גלייך, פירסטין, איך וועל זיך דורכריידען מיט׳ן קאָללעגע און דאן וועל איך האָבען דיא עהרע פאָרצולייגען פאר אייך מיין מיינונג.

— דארפען מיר אייך איבערלאָזען אַליין ?

— וויא איהר ווינשט.

דיא פירסטין האָט זיך אָבגעזיפצט און איז ארויס.

ווען דיא דאָקטוירים זיינען געבליבען אַליין, האָט דער הויז־דאָקטאָר אָנגע־הויבען אונענטשלאָסען צו ערקלעהרען זיין מיינונג. און זיין מיינונג איז בעשטאַ־נען דעריין, אז עס איז פאראן אָן אָנפאנג פון טובערקאלעזען פּראָצעס אין דער קראנקער, נור . . . א. ז. וו.

דער בעריהמטער דאָקטאָר האָט געהערט און אין מיטען הערען געקוקט אויף זיין היפּשען גאָלדענעם זייגערל.

— אזוי — האָט ער געזאָגט — אָבער . . .

דער הויז־ארצט איז אנשוויגען געוואָרען העפליך אין מיטען דער רעדע.

— וויא איהר ווייסט, קאָנען מיר דעם אנפאנג פון טובערקאלעזען פּראָ־צעס ניט בעשטימען. אָבער פארדעכטיגען קאָנען מיר. און אנווייזונגען זיינען פאראן: שלעכטע נאהרונג, נערוועזע אויפרעגונג און אנדערע זאכען. דיא פראגע שטעהט אזוי: וואָס דארף מען טאָהן ווען עס איז פאראן א פערדאכט פון טובערקולאזען פּראָצעס, אום צו העלפען דער נאהרונג ?

— אָבער איהר ווייסט דאָך, אז עס זיינען דערביי אימער פאראן אויך גייסטיגע אורזאכען — האָט מיט קוים א שמייכעל זיך ערלויבט אריינצוזאָגען דער הויז־דאָקטאָר.

— יא, דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך — האָט געענטפערט דער בע־ריהמטער דאָקטאָר, ווידער קוקענדיג אויפ׳ן זייגער — ענטשולדיגט, איז שוין

אויפגעשטעלט געוואָרען דער יאוזער בריק, אָדער מען דאַרף נאָך אַלץ פּאָהרען ארום ? — האָט ער געפרעגט — א ! אויפגעשטעלט. יא, קאָן איך דאָך אין צייט פון צוואנציג מינוט בעווייזען. האָבען מיר הייסט דאָס גערעדט, אז דיא פראגע שטעהט אזוי : אויפצוהאַלטען דיא נאָהרונג און קרעפטיגען דיא נערוועןּ. איינס צוזאמען מיט דאָס צווייטע, מען דאַרף ווירקען אויף ביידע זייטען פון קרייז.

— און א רייזע קיין אויסלאנד ? — האָט א פרעג געטהאָן דער הויז־ארצט.

— איך בין א פיינד פון דיא דאָזיגע רייזעס קיין אויסלאנד. און ער־לויבט נור איינצוזעהען : אויב עס איז פאראן אן אנפאנג פון טובערקולאזען פּראָצעס, וואָס מיר קאָנען ניט וויסען, וועט דיא רייזע קיין אויסלאנד ניט העלפען. עס איז נויטיג אזא מיטעל, וואָס זאָל העלפען דער נאָהרונג און זאָל ניט זיין שעדליך.

און דער בעריהמטער דאָקטאָר האָט פאָרגעלייגט זיין פּלאָן פון קורירען דורך סאָדענישע וואסערען, וואָס דער הויפט צוועק אין ראטהען אזא קוראציע איז דאָס, וואָס דאָס קאָן ניט שאדען.

דער הויז־ארצט האָט אויפמערקזאם און רעספּעקטפול אויסגעהערט.

— אָבער צו גונסטען פון דער רייזע קיין אויסלאנד וואָלט איך אנגעבראכט דיא וועקסלונג פון געוועהנהייטען, דאָס זיין ווייט פון דיא אומשטענדען, וועלכע רופען ארויס ערינערונגען. און דערביי... אזוי ווילט זיך דער מוטער — האָט ער געזאָגט.

— א, אין אזא פאַל, פאר וואָס ניט, זאָל זיא פּאָהרען, אָבער דיא דייטשע שארלאטאנעס וועלען דאָך שעדיגען... מען דאַרף אז זיי זאָלען פאָלגען... נו, איז זאָלען זיי פּאָהרען.

ער האָט ווידער א קוק געטאָהן אויפ׳ן זייגער.

— א, שוין צייט — און ער איז געגאנגען צו דער טיהר.

דער בעריהמטער דאָקטאָר האָט ערקלעהרט דער גרעפין (דאָס געפיהל פון העפליכקייט האָט דאָס איהם אונטערגעזאָגט) אז ער דאַרף נאָך אמאָל זעהען דיא קראנקע.

— וויא ! נאָך אמאָל אונטערזוכען ! — האָט ערשראָקען א געשריי גע־טאָהן דיא פירסטין.

— ביטע געפעליגסט.

און דיא מוטער, בעגלייט פון דאָקטאָר, איז אריינגעגאנגען אין צימער צו קיטי. אן אויסגעמאטערטע און א צורויטעלטע, מיט א בעזונדער גלאנץ אין דיא אויגען איבער דער איבערגעטראָגענער שאנדע, איז קיטי געשטאנען אין מיטען צימער. ווען דער דאָקטאָר איז אריינגעגאנגען האָט זיא זיך אָנגעצונדען און דיא אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען. איהר גאנצע קראנקהייט און דיא קוראציעס זיינען איהר פאָרגעקומען אזוי נאריש און אזוי לעכערליך ! איהר איז פאָרגעקומען דיא קוראציע פונקט אזוי לעכערליך, וויא צונויפשטעלען שטיק־לאך פון א וואזע, וואָס האָט זיך צובראָכען. איהר הארץ איז געוועזן צובראָכען. וואָס־זשע ווילען זיי דאָס היילען מיט פילען און מיט פּראָשקעס ? אָבער זיא

האָט ניט געקאָנט בעליידיגען דיא מוטער, און בפרט, אז דיא מוטער האָט זיך גערעכענט פאר שולדיג.

— בעמיהט זיך צו־צוזעצען, פירסטין — האָט געזאָגט דער בעריהמטער דאָקטאָר.

ער האָט זיך שמייכלענדיג געזעצט אנגעגען איהר, האָט גענומען דעם פולס און האָט אָנגעהויבען שטעלען איבערדריסיגע פראגען. זיא האָט איהם גע־ענטפערט, און פלוצלונג איז זיא אין כעס געוואָרען און האָט זיך אויפגעהויבען.

— ענטשולדיגט מיר, דאָקטאָר, אָבער דאָס וועט ווירקליך צו קיין זאך ניט פיהרען. איהר האָט ביי מיר דריי מאָהל דאָס זעלביגע איבערגעפרעגט.

דער בעריהמטער דאָקטאָר האָט זיך ניט בעליידיגט.

— קראנקהאַפטע אויפרעגונג — האָט ער געזאָגט דער פירסטין, ווען קיטי איז ארויסגעגאנגען — איבעריגענס האָב איך שוין געענדיגט...

און דער דאָקטאָר האָט פאר דער פירסטין, אלס פאר אַן אויסשליעסליך קלוגער פרוי, וויסענשאַפטליך בעשטימט איהר טאָכטערס לאגע און האָט געשלאָ־סען מיט א בעלעהרונג וויא צו טרינקען דיא וואסערן, וועלכע זיא דארף ניט. אויף דער פראגע — צו פאָהרען קיין אויסלאַנד? — האָט דער דאָקטאָר זיך פערטיעפט אין בעטראַכטונגען, וויא צו ענטשיידען דיא דאָזיגע שווערע פראגע. דיא ענטשיידונג איז ענדליך ערקלעהרט געוואָרען: פאָהרען און ניט גלויבען דיא שארלאטאנעס, און ווענען אַלעס צו ווענדען זיך צו איהם.

עפּעס אזוי וויא פרעהליכעס וואָלט פּאסירט נאָך דעם דאָקטאָרס אָבפאָה־רען. דיא מוטער איז פרעהליכער געוואָרען, אומקעהרענדיג זיך צו דער טאָכ־טער, און קיטי האָט זיך אויף פארשטעלט אז זיא איז פרעהליכער געוואָרען. איהר איז אָפט, כמעט שטענדיג, אויסגעקומען איצט צו פערשטעלען זיך.

— ווירקליך, איך בין געזונד, מאמא. נור אויב איהר ווילט פאָהרען לאָמיר פאָהרען — האָט זיא געזאָגט און צו ווייזען אז זיא אינטערעסירט זיך מיט דער בעפאָרשטעהענדער רייזע, האָט זיא אָנגעהויבען צו ריידען וועגען צוגרייטען זיך צום וועג.

2.

נאָך דעם דאָקטאָר איז געקומען צו־פאָהרען דאָללי, זיא האָט געוואוסט אז אין דעם טאָג דארף זיין א קאָנסיליום, און, ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיא האָט זיך ניט לאנג אויפגעהויבען פון קינפּעט (זיא האָט געבוירען א מיידעלע ענדע ווינטער), ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיא האָט געהאט ענוג אייגענע צרות און דאגה, האָט זיא פון דעסטוועגען איבערגעלאָזען איהר זויג־קינד און א קראנק גע־וואָרענע מיידעלע און איז צוגעפאָהרען אויסצוגעפינען וועגען קיטי'ס שיקזאל, וואָס האָט זיך היינט ענטשיידט.

— נו, וואס ? — האט זיא געזאגט ארייגקומענדיג און ניט אראבנעהמענדיג דיא היטעלע — איהר זייט אלע מונטער. מסתמא איז גוט ?

מען האט איהר געפרובירט דערצעהלען, וואס דער דאקטאר האט געזאגט, האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז אבוואהל דער דאקטאר האט גערעדט זעהר גלאט און לאנג, האט מען פון דעסטוועגען בשום אופן ניט געקאנט איבערגעבען וואס ער האט אזוינס געזאגט. אינטערעסאנט איז נור געווען אז עס איז בעשלאסען געווארען צו פאהרען קיין אויסלאנד.

דאללי האט ניט וועלענדיג א זיפץ געטאהן. איהר בעסטער פריינד, דיא שוועסטער, פאהרט אוועק. און איהר לעבען איז געווען ניט פרעהלאך. איהרע בעציהונגען צו סטעפאן ארקאדיעוויטש נאך דעם שלום זיינען געווארען ערנידריגענד. דאס פארקלעפונג וואס אננא האט געמאכט, האט זיך ארויסגעשטעלט ניט גענוג שטארק און דיא פאמיליען־הארמאניע האט געפלאצט ווידער אויף דעמזעלביגען פלאץ. בעשטימטעס איז ניט געווען וואס, נור סטעפאן ארקאדיעוויטש איז כמעט קיין מאל צו הויז ניט געווען, און דער פערדאכט אין אונטרייהייט האט שטענדיג געמאטערט דאללין. זיא האט שוין געזוכט אוועקטרייבען פון זיך דעם דאזיגען פערדאכט, מורא האבענדיג פאר דיא יסורים פון אייפערזוכט, וועלכע זיא האט שוין אמאהל דורכגעליטען.

דער ערשטער אויסברוך פון אייפערזוכט, ווען מען האט איהם איין מאהל איבערגעלעבט, קאן זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען מיט אזא קראפט, און אפילו דיא ענטדעקונג פון אונטרייהייט וואלט שוין ניט געקאנט ווירקען אויף איהר אזוי, וויא דאס ערשטע מאהל. אזא ענטדעקונג וואלט נור פון איהר געראבט דיא פאמיליען־געוועהנהייטען, און זיא האט ערלויבט זיך אליין אבצונארען, האסענדיג איהם, און נאך מעהר זיך אליין פאר דער דאזיגער שוואכקייט. אויסער דעם האבען דיא זארג פון א גרויסער פאמיליע אהן אויפהער זיא געמאטערט: דאס איז עפעס ניט געגאנגען מיט דעם זויגען דאס קינד, דאס איז דיא אם אוועק, און אין מיטען איז גאר איינער פון דיא קינדער קראנק געווארען.

— נו, וויא זיינען דיינע ? — האט דיא מוטער געפרעגט.

— אך, מאמא, ביי אונז זיינען פאראן א היבשע ביסעל אייגענע צרות. לילי איז קראנק געווארען, און איך האב מורא, אז דאס איז סקארלאטין. אט בין איך איצט ארויסגעגאנגען ערקונדיגען זיך וועגען קיטי, און אזוי, אויב גאט בעהיט סקארלאטין, וועל איך דאך גאר מוזען זיצען שטענדיג און ניט ארויס פון הויז.

דער אלטער פירסט איז נאך דעם דאקטאר׳ס אוועקפאהרען אויך ארויס פון זיין קאבינעט און, אונטערשטעלענדיג דאללי׳ן זיין באק און ריידענדיג מיט איהר א ווייל, האט ער זיך דערנאך א ווענד געטאהן צו זיין פרוי:

— וויא־זשע האט מען ענטשיידען, פאהרט איהר ? נו, און מיט מיר וואס ווילט איהר טאהן ?

— איך מיין, אז דוא וועסט בלייבען, אלעקסאנדער — האט געזאגט דיא פרוי.

— וויא איהר ווילט.

# אננא קארענינא

— מאמא, פאר וואס זאל דער פאפא מיט אונז ניט פאהרען? — האט געזאגט קיטי — אי איהם אי אונז וועט זיין פרעהלעכער.

דער אלטער פירסט איז אויפגעשטאנען און האט א גלעט געטאהן קיטי'ס האאר. זיא האט אויפגעהויבען איהר געזיכט, און, שמייכלענדיג איבער־געוואלד, האט זיא געקוקט אויף איהם. איהר האט זיך אימער געדוכט, אז ער פארשטעהט זיא מעהר איידער דיא איבריגע אלע אין דער פאמיליע, הגם ער האט ווייניג גערעדט מיט איהר.

אלס דיא יונגסטע איז זיא געווען איהר פאטערס ליעבלינג, און איהר האט זיך געדוכט, אז זיין ליעבע צו איהר האט איהם געמאכט פעהיג אריינצו־קוקען אין איהר. ווען איהר בליק האט זיך איצט בעגעגענט מיט זיינע בלויע, גוטע אויגען, וועלכע האבען געקוקט אויף איהר, האט זיך איהר געדוכט אז ער זעהט זיא דורך און דורך און פארשטעהט אלעס וואס עס טהוט זיך אין איהר. רויט ווערענדיג האט זיא זיך א ציה געטאהן צו איהם, ערווארטענדיג א קוש, אבער ער האט זיא נור א צערטעל געטאהן איבער דיא האאר און האט געזאגט:

— דיא נארישע שיניאנען! מען קאן גאר צו דער טאכטער אליין ניט ציקומען, און צערטעלסט בלויז דיא האאר פון גע'פגר'טע באבעצעס. נו, וואס, דאללינקע, — האט ער זיך געוויענדעט צו דער עלטסטער טאכטער — וואס טהוט דיין טרומף?

— קיין זאך ניט, פאפא — האט געענטפערט דאללי, פארשטעהענדיג אז דאס האט ער געפרעגט וועגען איהר מאן — ער פאהרט אלץ ארום, איך זעה איהם כמעט גאר ניט — האט זיא ניט געקאנט ניט זאגען איהם מיט א שפאס־האפטען שמייכעל.

— וואס, ער איז נאך ניט געפאהרען אין דארף דעם וואלד פערקויפען?

— ניין, ער קלייבט זיך אלץ.

— אזוי גאר! — האט ארויסגערעדט דער פירסט — דארף איך זיך אויך צוקלייבען זיך? נו, איך פאלג — האט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי און האט זיך צוגעזעצט — און דו אט וואס, קאטיא — האט ער זיך א קעהר געטאהן צו דער יונגסטער טאכטער — דוא נעהם אמאל אין איין שעהנעם טאג, כאפ זיך אויף און גיב זיך א זאג: איך בין דאך גאר געזונד און ליסטיג און מיר וועלען יוידער א שפאציר טאהן מיט פאפא גאנץ פריה איבערן פרעסטעל. הא?

עס איז דוכט זיך געווען א גאנץ איינפאכע זאך, וואס דער פאטער האט געזאגט, אבער קיטי האט זיך פון דיא דאזיגע ווערטער צוטומעלט און פערלארען, אזוי וויא א דערטאפטער פערברעכער. „יא, ער ווייס אלעס, ער פערשטעהט אלעס און מיט דיא דאזיגע ווערטער וויל ער זאגען מיר, אז אבוואהל עס איז מיאוס, אבער מען מוז איבערלעבען דיא שאנדע".

זיא האט ניט געקאנט אננעהמען זיך מיט מוטה צו ענטפערען עפעס. זיא האט געוועז אנגעהויבען און האט זיך פלוצלונג צואויינט און איז ארויסגע־לאפען פון צימער.

— אלץ איבער דיינע וויצען! — האט זיך ארויפגעלאזען דיא פירסטי

אויפ׳ן מאַן — דוא ביסט שטענדיג... — האָט זיא אַנגעהויבען איהר רעדע פון בּאַרווירפע.

דער פירסט האָט געהערט גענוג לאַנג דיא פירסטינס פאָרווירפע און האָט געשוויגען, אָבער זיין פּנים האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערוואָלקענט.

— עס איז אויף איהר אזא רחמנות, נעביכקע, אזא רחמנות, און דוא פיהלסט ניט, אז איהר טהוט וועה פון יעדער אָנדייטונג אויף דאָס, וואָס דיא אור־זאכע איז. אך, אזוי א טעות צו האָבען אין מענשען! — האָט געזאָגט דיא פירסטין און פון דער ענדערונג פון איהר טאָן האָבען דאללי און דער פירסט פערשטאַנען, אז זיא האָט גערעדט וועגען ווראנסקי׳ן — איך פארשטעה ניט וויא אזוי זיי זיינען דאָס ניטאָ קיין געזעצע געגען אזעלכע עקעלהאפטע, אונ־אדעליגע מענשען.

— אך, ווען איך וואָלט ניט הערען — האָט טרויעריג א זאָג געטהאָן דער פירסט, אויפהייבענדיג זיך פון שטוהל און וויא ער וואָלט וועלען אוועקגעהן, נור האָט זיך אָבגעשטעלט אין טהיר — געזעצע זיינען פאראַן, מאַמעלע, און אז דיא האָסט מיך שוין ארויסגערופען, וועל איך דיר זאָגען ווער עס איז שולדיג אין אַלעם: דוא און דוא, דוא אַליין. געזעצע געגען אזעלכע בחורים׳לעך זיינען אַלע מאָהל געוועזען און זיינען דאָ! יא, אויב עס וואָלט נור ניט געוועזען דאָס וואָס עס דאַרף ניט זיין, איך בין אַן אַלטער מאַן, אָבער איך וואָלט איהם אוועקגעשטעלט אויפ׳ן פּאַרענצע, דעם פראַנט. נו און איצט קורירט, ברייננגט צו זיך אַלע שאַר לאַטאַנעס.

דער פירסט האָט, דוכט זיך, געהאַט צו זאָגען נאָך זעהר פיעל, אָבער וויא נור דיא פירסטין האָט דערהערט זיין טאָן, איז זיא באַלד אנשוויגען געוואָרען, איז געוואָרען שטיל, וויא עס פלעגט פאסירען אימער אין ערנסטע פראגען.

— אלעקסאנדער, אלעקסאנדער — האָט זיא געמורמעלט ארומקוקענדיג זיך און האָט זיך צוואויינט.

וויא נור זיא האָט זיך צוואויינט, איז דער פירסט גלייך אנשוויגען גע־וואָרען. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— נו, גענוג, גענוג! דיר איז אויך שווער, איך וויים. וואָס קאָן מען מאַכען? קיין גרויסע צרה איז דעריין נאָך ניטאָ. גאָט איז גנעדיג... דאנק גאָט... — האָט ער געזאָגט, אַליין שוין ניט וויסענדיג וואָס ער רעדט און ענטפערענדיג אויף דער פירסטינס קוש, וועלכען ער האָט דערפיהלט אויף זיין האנד. און דער פירסט איז אַרויס פון צימער.

וויא נור קיטי איז א וויינענדיגע ארויס פון צימער, האָט דאללי מיט מוטערליכער געוועהנהייט גלייך דערזעהען, אז דאָס איז א זאך פאר א פרויען־צימער, און זיא איז גלייך געגאַנגען ערפיללען איהר אויפגאַבע. זיא האָט אויסגע־טהאָן איהר היטעלע און פערקאַשערענדיג גייסטיג דיא ארבעל האָט זיא זיך פאַרטיג געמאַכט צו דער ארבייט. אין דער צייט ווען דער פירסט האָט אויסגע־שאָסען מיט כעס האָט זיא געשוויגען. זיא האָט געפיהלט שאנדע פאר דער מו־טער און צערטליכקייט צים פאטער פאר זיין באַלד צוריק גוט ווערען; אָבער ווען

יער פאטער איז אוועק, האָט זיא זיך גענומען טהאָן דעם עיקר, וואָס איז נויטיג געוועזן: געהן צו קיטי און בערוהיגען זיא.

— איך האָב אייך לאַנג געוואָלט זאָגען, מאמא: ווייסט איהר, אז לעווין האָט געוואָלט מאכען קיטי א פארשלאַג, ווען ער איז דאָ געוועזן דאָס לעצטע מאָל? ער האָט דאָס אליין געזאָגט סטיוואַ'ן.

— נו, איז וואָס־זשע, איך פארשטעה ניט...

— קאָן זיין, אז קיטי האָט איהם ענטזאָגט? זיא האָט אייך ניט געזאָגט?

— ניין, זיא האָט גאָרנישט גערעדט, ניט וועגען איינעם, ניט וועגען דעם אנדערען; זיא איז צו שטאָלץ. אָבער איך וויים, אז דאָס איז אלץ דערפון...

— יאָ, שטעלט זיך פאָר, אויב זיא האָט ענטזאָגט לעווינען — און זיא וואָלט דאָך איהם ניט אָבזאָגען, ווען עס וואָלט ניט געוועזן יענער, דאָס וויים איך... און דערצו האָט דער זיא אַזוי שרעקליך אָבגענאַרט.

דער פירסטין איז געוועזן צו שרעקליך צו דיינקען וויא שולדיג זיא איז פאר איהר טאָכטער, און זיא איז אין כעס געוואָרען.

— אַך, איך פארשטעה שוין גאָרנישט! אז היינט וויל מען אלץ לעבען מיט'ן אייגענעם שכל, דער מאמען זאָגט מען גאָרנישט, און דערנאָך אָט און...

— מאמאַ, איך וועל אריין צו איהר.

— געה, איך פערבאָט דיר דען? — האָט געזאָגט דיא מוטער.

## .3

אריינקומענדיג אין קיטי'ס קליינעם קאַבינעט — א שעהנינקער, ראָזע־ווינקער צימער, אויך אזא יונגינקער, ראָזעווינקער און פרעהליכער, וויא קיטי אליין איז געוועזן ערשט מיט א מאָנאַטען צוויי צוריק — האָט דאָלי זיך דערמאָנט וויא זיי האָבען אויפגעפוצט צוזאמען לעצטען יאָהר דעם צימערל, מיט וואָס פאר א פרעהליכקייט און ליעבע. דאָס הארץ האָט ביי איהר א פריהר געטהאָן, ווען זיא האָט דערזעהען קיטי'ן, זיצענדיג אויף דעם נידריגסטען שטוהל, נאָהענט פון דער טהיר מיט דיא אויגען אויסגעשטעלט אויף דעם ווינקעל פון טעפיך. קיטי האָט א קוק געטהאָן אויף דער שוועסטער, און דער קאַלטער, בייזלעבער אויסדרוק פון איהר געזיכט האָט זיך ניט געענדערט.

— איך פאָהר איצט און וועל זיך אוועקזעצען אין דער היים און בלייבען פארזעסען און דוא וועסט צו מיר ניט קאָנען קומען — האָט געזאָגט דאַריא אַלעקסאנדראָוונא זעצענדיג זיך לעבען איהר — מיר ווילט זיך מיט דיר דורכ־ריידען זיך.

— וועגען וואָס? — האָט צושראָקען אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, האַסטיג א פרעג געטהאָן קיטי.

— וועגען וואָס דען, אויב ניט וועגען דיינע צרות?

— איך האָב קיין צרות נים.

— הער אויף, קיטי. מיינסט דוא ווירקליך, אז עס קאָן זיין איך זאָל ניט וויסען? איך ווייס אַלעס. און גלויב מיר דאָס איז אזא שטרונד, אז עס איז ניט ווערטה... מיר זיינען אַלע דאָס דורכגעגאנגען.

קיטי האָט געשוויגען און איהר פנים האָט געהאט א שטרייננען אויסדרוק.

— ער איז ניט ווערטה, אז דו זאָלסט איבער איהם ליידען — האָט פאָרט־יעזעצט דאריא אלעקסאנדראָוונא, צוטרעטענדיג גלייך צום ענין.

— יא, דערפאר וואָס ער איז צו מיר געבליבען גלייכגילטיג — האָט מיט א טרויסעלדיגער שטימע אַרויסגערעדט קיטי—רייד ניט! איך בעט דיך, רייד ניט!

— ווער האָט דאָס דיר אָבער געזאָגט? קיינער זאָגט דאָס ניט. איך בין זיכער, אז ער איז געווען פערליעבט אין דיר און איז געבליבען פערליעבט, נור...

— אַך, שרעקליכער פון אַלעס זיינען פאר מיר אָט דיא מיטליידענעס! — האָט א געשריי געטהאָן קיטי, פלוצלינג אָן אויפגערעגטע. זיא האָט זיך א קעהר געטהאָן אויפ'ן שטוהל, איז רויט געוואָרען, האָט האסטיג אָנגעהויבען באוועגען דיא פינגער, דריקענדיג דאָס מיט איינער, דאָס מיט דער אנדער האנד דעם שנאָל פון גורט, וועלכען זיא האָט געהאלטען. דאללי האָט שוין געקענט דעם דאָזיגען מאניער פון דער שוועסטער, איבערצוכאפען מיט דיא הענד, ווען זיא איז אויפ־געגעגט געוואָרען; און דאללי האָט זיא געוואָלט בערוהיגען; עס איז אָבער געווען שוין צו שפעט.

— וואָס, וואָס ווילסט דוא מיר געבען צו פיהלען, וואָס? — האָט קיטי גערעדט האסטיג — אז איך בין געווען פערליעבט אין א מענשען, וועלכער האָט מיך ניט געוואָלט קענען און וויסען, און אז איך געה אוים פון ליעבע צו איהם? און דאָס זאָגט מיר מיין שוועסטער, וועלכע דיינקט, אז... אז... זיא האָט דאָס מיטלייד!... איך וויל ניט דיא רחמנות'ן און דאָס פארשטעלען זיך!

— קיטי, דו ביזט אונגערעכט.

— צו וואָס פייניגסט דוא מיך?

— אָבער דאָך פארקעהרט... איך זעה, אז דוא ביסט געקריינקט...

אָבער קיטי האָט אין איהר היץ זיא גאָר ניט געהערט.

— איך האָב ניט וואָס צו בעדויערען און פון וואָס צו טרויסטען זיך. איך בין אויף אזוי פיעל שטאָלץ, אז איך וועל זיך קיין מאָהל ניט ערלויבען צו ליעבען א מענשען, וועלכער ליעבט מיך ניט.

— אָבער איך זאָג דאָך גאָר ניט... איינס נור... זאָג מיר דעם אמת — האָט אָנגעהויבען דאריא אלעקסאנדראָוונא אננעהמענדיג איהר האנד — זאָג מיר, האָט לעווין צו דיר גערעדט?..

דיא דערמאָנונג וועגען לעווינען האָט, וויא עס האָט געשיינט, אוועקגע־נומען פון קיטי דיא לעצטע זעלבסטבעהערשונג: זיא איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל און, א שליידער טאָהנדיג דעם שנאָל פון גורט אויף דער ערד און מאַ־כענדיג האסטיג מיט דיא הענד, האָט זיא אָנגעהויבען:

— צו וואָס נאָך לעווין אהער? איך פערשטעה ניט, צו וואָס דארפסט דוא מיך אזוי פייניגען? איך האָב געזאָגט און איך ווידערהאָל, אז איך בין

# אננא קארענינא

שטאָלץ און װעל קיין מאָהל, ק י י ן מ אָ ה ל ניט טאָהן דאָס, װאָס דוא טהוסט, אומקעהרען זיך צו א מענשען, װעלכער איז דיר אונטריי געװאָרען, װעל־כער האָט ליעב בעקומען אן אנדער פרױענצימער. איך פאַרשטעה דאָס ניט ! דוא קאָנסט, און איך קאָן ניט !

און, זאָגענדיג דיא דאָזיגע װערטער האָט זיא א קוק געטאָהן אויף דער שװעסטער, און זעהענדיג, אז דאָללי שװייגט מיט א טרויעריג אראָבגעלאָזטען קאָפּ, האָט קיטי, אנשטאט ארויסצוגעהן פון צימער װיא זיא האָט זיך פערמאָס־טען, זיך אװעקגעזעצט לעבען טיהר, האָט פארדעקט מיט׳ן טיכעל דעם פּנים און האָט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

דאָס שװייגען האָט זיך געצויגען א מינוט צװיי. דאָללי האָט געטראַכט װעגען זיך. יענע ערנידריגונג איהרע, װעלכע זיא האָט שטענדיג געפיהלט, האָט זיך אָבגערופען אין איהר מיט א בעזונדער װייטאָג, װען איהר שװעסטער האָט איהר דערמאָהנט װעגען דעם. זיא האָט ניט ערװארט אזא אכזריות פון דער שװעסטער און איז געװאָרען אין כעס אויף איהר. נור פּלוצלונג האָט זיא דערהערט דאָס רוישען פון א קלייד און גלייך אויך אן אויסגעבראָכענעם פארשטיקטען שלוכ־צען, און עמיצענס הענד פון אונטען האָבען ארומגענומען איהר האלז. קיטי איז געשטאַנען פאר איהר אויף דיא קניע.

— דאָלינקע, איך בין אזוי אונגליקליך, אזוי אונגליקליך ! — האָט זיא געמורמעלט פערשולדיגט.

און דער ליעבליכער פּנים א בעגאָסענער מיט טהרערען האָט זיך איינגע־גראָבען אין דאָריא אלעקסאנדראװונאס קלייד.

אזוי װיא טהרערען װאָלטען געװען יענע נויטיגער זאַלב, אָהן װעלכען דיא מאַשין פון געמיינזאַמען פערטראָגען זיך צװישען דיא צװיי שװעסטער האָט ניט געקאָנט אָנהויבען געהן מיט ערפאָלג — דיא שװעסטער האָבען נאָך דיא טהרערע; גערעדט ניט װעגען דעם װאָס האָט זיי באשעפטיגט, אָבער רעדענדיג גאָר װעגען זייטיגע זאכען, האָבען זיי פערשטאַנען איינע דיא אנדערע. קיטי האָט פערשטאַנען אז דעם װאָרט װאָס זיא האָט ארויסגערעדט אין כעס װעגען דעם מאַנס אונטריי־הייט און װעגען ערנידעריגונג האָט געטראָפען דער אונגליקליכער שװעסטער אין דער טיעפקייט פון הארצען, אז זיא פערצייהעט איהר אָבער. דאָללי, פון איהר זייט, האָט פערשטאַנען שוין אלעס װאָס זיא האָט געװאָלט װיסען ; זיא האָט זיך איבערצייגט, אז זיא האָט ריכטיג געטראָפען, אז קיטיס יסורים, דיא אונהיילבארע יסורים, באַשטעהען דעריין נעמליך, װאָס לעװין האָט איהר געמאַכט א פאָרשלאָג און װאָס זיא האָט איהם אָבגעזאָגט, און װראנסקי האָט זיא אָבגענארט, און אז זיא איז פערטיג געװען צו ליעבען לעװינען און פעראכטען װראנסקין. קיטי האָט קיין װאָרט װעגען דעם ניט געזאָגט ; זיא האָט נור גערעדט װעגען איהר גייסטיגען צושטאַנד.

— איך האָב ניט קיינע צרות — האָט זיא געזאָגט, װען זיא האָט זיך בערוהיגט — אָבער קאָנסט דוא פארשטעהן, אז מיר איז אלעס געװאָרען עקעל־האפט, אָבשטויסענד, גראָב, רוי און פריהער פון אלעס איך אליין. דוא קאָנסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען װעלכע עקעלהאפטע געדאנקען ביי מיר זיינען װעגען אלעס.

# אננא קארענינא

— וועלכע מיאוסע געדאַנקען קאָנען ביי דיר זיין ? — האָט א פרעג געטאָהן מיט א שמייכעל דאָללי.

— די מיאוסטע און די גרעבסטע ; איך קאָן דאָס דיר ניט זאָגען. דאָס איז ניט קיין בייִנקשאַפט, ניט קיין אומעט, נור עפּעס ערגערעס. אזוי וויא אַלעס וואָס איז געוועזן גוט אין מיר, דאָס אַלעס האָט זיך בעהאַלטען, און עס איז געבליבען בלויז דאָס עקעלדיגע. נו, וויא זאָל איך דיר דאָס זאָגען ? — האָט זיא פאָרטגעזעצט זעהענדיג אין דער שוועסטערס אויגען אז זיא פארשטעהט ניט — אָט האָט דער פּאַפּאַ מיט מיר אָנגעהויבען ריידען... און מיר דוכט זיך אז ער טראַכט נור וועגען דעם, אז איך דאַרף חתונה האָבען. די מאַמאַ פיהרט מיך אויף א באַלל, און מיר דוכט זיך, אז זיא פיהרט מיך בלויז צוליעב דעם, אז איך זאָל וואָס גיכער חתונה האָבען און פּטור ווערען פון מיר. איך וויים אז דאָס איז ניט אמת, איך קאָן אָבער ניט אוועקיאָגען פון זיך די דאָזיגע געדאַנקען. די דאָזיגע חתנים קאָן איך ניט אָנקוקען. מיר דוכט זיך, אז זיי נעמען פון מיר אראָב א מאָס. פריהער פלעגט פאַר מיר זיין אַן איינפאַכער פערגעניגען צו פאָהרען ערגעץ אין א באַל-קלייד, איך האָב פון זיך אליין הנאה געהאַט ; איצט איז מיר א שאַנדע, אונבעקוועם. נו, וואָס ווילסט דוא ? דער דאָקטאָר... נו...

קיטי האָט זיך צושטאַמעלט ; זיא האָט געוואָלט זאָגען ווייטער, אז פון דעמאָלט אָן, זינט מיט איהר איז פאָרגעקומען די דאָזיגע ענדערונג, איז איהר כטעפּאַן ארקאַדיעוויטש געוואָרען אונערטרעגליך אונאַנגענעהם און אז זיא קאָן אויף איהם ניט קוקען, וואו זיא זאָל זיך ניט פארשטעלען דאָס גרעבסטע, דאָס מיאוסטע.

— נו-יא, אַלעס שטעלט זיך מיר פאַר אין די גרעבסטע, מיאוסטע געשטאַלטען — האָט זיא פאָרטגעזעצט — דאָס איז מיין קראַנקהייט. קאָן זיין, אז דאָס וועט אריבער...

— דוא ניט טראַכט...

— איך קאָן ניט. בלויז מיט קינדער איז מיר גוט, בלויז ביי דיר.

— שאַדע, וואָס דוא טאָרסט ניט זיין ביי מיר.

— ניין, איך וועל קומען. ביי מיר איז דאָך שוין געוועזן סקאַרלאַטין, די מאַמען וועל איך איינבעטען.

קיטי איז בעשטאַנען אויף דאָס איהריגע און האָט זיך איבערגעקליבען צו דער שוועסטער, און די גאַנצע צייט פון דער סקאַרלאַטין-קראַנקהייט, וועלכע איז טאַקע געקומען, איז זיא ארומגעגאַנגען ארום די קינדער. ביידע שוועסטער האָבען מיט ערפאָלג אויסגעפּפלעגט אַלע זעקס קינדער. אָבער קיטיס געזונד האָט זיך ניט פארבעסערט; און בעפאָר פריהלינג זיינען די שטשערבאַצקים אוועקגעפאָהרען קיין אויסלאַנד.

### .4

דער פעטערסבורגער העכערער קרייז איז אייגענטליך איינער, אלע קענען איינע די אנדערע, און בעזוכען אפילו איינע די אנדערע. אָבער אין דעם דאָזיגען גרויסען קרייז זיינען פאראן איינטהיילונגען. אננא קארענינא האָט געהאט פריינד און ענגע פערבינדונגען אין דריי פערשיעדענע קרייזען. איין קרייז איז בעשטאנען פון בעאמטע, פון אָפיציעלע, דער קרייז פון איהר מאן. אננא האָט איצט קוים געקאָנט דערמאָנען זיך יענעם געפיהל פון כמעט פערגעטערונג, וואָס זיא האָט געפיהלט דיא ערשטע צייט צו דיא דאָזיגע פערזאָנען. איצט האָט זיא שוין אלעמען געקענט, וויא איינער דעם אנדערן קען אין א פראָווינציעלער שטעדטעל. זיא האָט געוואוסט זייערע בעציהונגען פון איינעם צום צווייטען אין צו דעם הויפט צענטר; זיא האט געוואוסט, ווער פאר ווערמען עס האלט, וויא און מיט וואס. אָבער דער דאָזיגער קרייז פון רעגיערערישע, מענליכע אינטערעסען, האט איהר קיין מאָהל ניט געקענט אינטערעסירען שטארק, ניט קוקענדיג אויף די מוסר־ווערטער פון דער גרעפין לידיא איוואנאָוונא, און זיא האט דעם דאָזיגען קרייז אויסגעמיידט.

דער צווייטער קרייז, וואס איז געוועזן אננא׳ן נאָהענט, איז געוועזן דער קרייז דורך וועלכען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט געמאכט זיין קאריערע. דער מיטעל־פונקט פון דעם קרייז איז געוועזן דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא. דאס איז געוועזן דער קרייז פון אלטע, ניט קיין שעהנע, וואָהלטהעטיגע און פרומע ווייבער און פון קלוגע, געלעהרנטע און כבוד־ליעבענדע מאנסלייט. איינער פון דיא קלוגע מענשען, וואס האבען בעלאנגט צו דיעזען קרייז, האט איהם א נאָמען געגעבען „דער געוויסען פון פעטערסבורגער געזעלשאפט.“

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זעהר טהייער געהאלטען דעם דאָזיגען קרייז, און אננא, וועלכע האָט אזוי גוט געקענט איינלעבען זיך מיט אלעמען, האָט געפונען פריינד פאר זיך אין דעם דאָזיגען קרייז. איצט אָבער, ווען זיא האָט זיך צוריק געקעהרט פון מאָסקווא, איז דער דאָזיגער קרייז פאר איהר געווארען אונערטרעגליך. איהר האט זיך אויסגעוויזען, אז אי זיא, אי זיי אלע פארשטעלען זיך, און איהר איז געוואָרען אזוי לאנגווייליג און אונבעקוועהם אין דער דאָזיגער געזעלשאפט, אז זיא האט וואס ווייניגער אָנגעהויבען צו בעזוכען דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא.

דער דריטער קרייז, ענדליך, וואו אננא האָט געהאט פערבינדונגען, איז געוועזן אייגענטליך דיא סאמע אויבערשטע — דיא וועלט פון בעלער, באנקעטען, גלענצענדע קליידער, דיא וועלט וואס האט זיך געהאלטען מיט איין האנד פאר דעם קייזערליכען הויף, אום ניט אראָבצולאָזען זיך צו דער האלב־וועלט, וועלכע איז געוועזן פערהאסט פון די מיטגליעדער פון דעם דאָזיגען קרייז, נור זיי האָבען געהאט דעמזעלבען געשמאק. אננא׳ס פערבינדונג מיט דעם קרייז איז געוועזן דורך דער פירסטין בעטסי טווערסקאיא, דיא פרוי פון איהרען א שוועסטער־קינד, וועלכער האָט געהאט א יעהרליכע איינקונפט פון הונדערט און צוואנציג טויזענד. פון

# אננא קארעינינא

דעם ערשטען מאָהל אָן, וואס אננא איז ערשיענען אין געזעלשאפט האָט פירסטין בעטסי טווערסקאיא זיא בעזונדער ליעב בעקומען, האָט זיא ארייננעצויגען אין איהר קרייז, אָבלאכענדיג פון גרעפין לידיא איוואנאָוונא'ס קרייז.

—ווען איך וועל אלט זיין און מיאוס, וועל איך אויך ווערען אזא — פלעגט בעטסי זאָגען — אָבער פאר אייך, פאר אַ יונגער, שעהנינקער פרויענצימער, איז נאָך פריה ארייננצוקומען אין דעם דאָזיגען הקדש.

דיא ערשטע צייט פלעגט אננא אויסמיידען, וויפיעל נור זיא האט געקאָנט, דיא געזעלשאפט פון פירסטין טווערסקאיא, ווארום דאס האט געפאָדערט אויגאבען מעהר פון איהרע מיטלען, און אויך לויט איהר הארץ, האט איהר בעסער געצויגען צום אנדער קרייז; אָבער נאָך איהר רייזע קיין מאָסקווא, איז געווארען פארקעהרט. זיא האָט אויסגעמיידט איהרע גייסטיגע פריינד און פלעגט בעזוכען דיא אויבערשטע געזעלשאפט. דאָרט האָט זיא בעגעגענט ווראָנסקין און האט געפיהלט אויפרעגענדע פרייד, ווען זיא פלעגט זיך מיט איהם בעגעגענען. בעזונדער אָפט פלעגט זיא טרעפען ווראנסקין ביי בעטסי, וועלכע איז פון געבורט געוועזען אויך אווראָסקאיא און זיינע אַ קוזינע.

ווראנסקי איז געוועזען אומעטום, וואו נור ער האט געקאנט באגעגענען אננא'ן און ווען ער האט נור געקאנט, האט ער צו איהר גערעדט וועגען זיין ליעבע. זיא האט איהם קיין מאָהל ניט געגעבען קיין אָנשטויס דערצו, אָבער יעדען מאהל ווען זיא האט זיך נור באגעגענט מיט איהם, האָט זיך אין איהר הארצען צופלאקערט דאסזעלבע געפיהל פון לעבעדיגקייט, וועלכעס האט זיא אָנגעכאפט אין יענעם טאָג אין וואגאָן, ווען זיא האט איהם צום ערשטען מאָהל דערזעהען. זי האט אליין געפיהלט, אז זעהענדיג איהם האָט דיא פרייד זיך צולויכטען אין איהרע אויגען, אין איהר שמייכעל, און זיא האט ניט געקאנט פארשטיקען דעם אויסדרוק פון דער דאָזיגער פרייד.

דיא ערשטע צייט האט אננא אויפריכטיג געגלויבט, אז זיא איז פון איהם אונצופריעדען, אז ער ערלויבט זיך צו פערפאָלגען זיא; אָבער באלד וויא זיא האט זיך צוריק געקעהרט פון מאָסקווא, קומענדיג צופאָדערען אויף אַן אבענד, וואו זיא האָט גערעכענט איהם צו באגעגענען, און ער איז ניט געוועזען, האָט זיא פון דער ביינקשאפט וואס האט איהר אָנגעכאפט פערשטאנען, אז זיא האט זיך גענארט, אז זיין פערפאָלגונג איז ניט נור איהר ניט אונאנגענעהם, נור אז דאס איז געווארען דער גאנצער אינטערעס פון איהר לעבען.

* * *

דיא גאנצע אויבערשטע געזעלשאפט איז געוועזען אין טהעאטער. די בעריהמטע זינגערין איז אויפגעטרעטען צום צווייטען מאָהל. דערזעהענדיג פון זיין פלאטץ אין דער ערשטער רייהע זיין קוזינע, איז ווראנסקי, ניט דערווארטענדיג זיך ביז'ן אנטראקט, אריין צו איהר אין לאָזשע.

— פאר וואס זשע זייט איהר ניט געקומען צום מיטאָג ? — האָט זיא איהם אַ פרעג געטאָהן — איך וואונדער זיך פון דער דאָזיגער קלאָהר־זעהעניס

פון פערליעבטע — האָט זיא צוגעלעגט מיט אַ שמייכעל, אַזוי אַז ער אַליין זאָל בלויז הערען: זיא איז ניט געוועזען. נור קומט היינט צו פאָהרען נאָך דער אָפּערא.

ווראָנסקי האָט אויף איהר פראַגליך אַ קוק געטאָהן. זיא האָט אָנגעבויגט דעם קאָפּ. ער האָט מיט אַ שמייכעל איהר געדאַנקט און האָט זיך געזעצט לעבען איהר.

— ווי איך געדיינק אייערע שפּאָס ערייען! — האָט פאָרטגעזעצט פירסטין בעטסי, וועלכע האָט געפונען אַ בעזונדער פערגניגען נאָכצופאָלגען דעם ערפאָלג פון אַזאַ ליידענשאַפט — וואו איז דאָס אַלעס אַהינגעקומען! איהר זייט געפּאַקט, מיין ליעבער.

— דאָס איז אין גאַנצען וואָס איך פערלאַנג, בלויז איך זאָל זיין געפּאַקט — האָט געענטפערט ווראָנסקי מיט זיין רוהיגען גוטמוטהיגען שמייכעל — אויב איך בעקלאָג זיך, איז דאָס נור דערויף, וואָס איך בין נאָך זעהר ווייניג געפּאַקט, אויב איך זאָל זאָגען דעם אמת. איך הויב אָן צו פערליערען דיא האָפנונג.

—וועלכע האָפנונג קאַנט איהר דען האָבען? — האָט געזאָגט בעטסי, זייענדיג בעליידיגט פאַר איהר פריינד. אָבער אין איהרע אויגען זיינען אַרומגעלאָפען פייערלעך, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז זיא פאַרשטעהט אויך אַזוי גוט ווי ער, וועלכע האָפנונגען ער האָט געקאָנט האָבען.

— קיינע ניט — האָט לאַכענדיג געזאָגט ווראָנסקי — ענטשולדיגט — האָט ער צוגעלייגט נעהמענדיג פון איהר האַנד דעם בינאַקל און האָט זיך אַ נעהם געטאָהן איבער איהרע נאַקעטע שולטערן צו בעקוקען דיא רייהע לאָזשען פון דער אַנטקעגען זייט — איך האָב מורא, אַז איך הויב אָן צו זיין לעכערליך.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אין בעטסיס אויגען און אין דיא אויגען פון דער דאָזיגער העכערער געזעלשאַפט האָט ער ניט ריזיקירט צו זיין לעכערליך. ער האָט געוואוכט גאַנץ גוט, אַז אין דיא אויגען פון דיא דאָזיגע פערזאָנען קאָן זיין לעכערליך דיא ראָלע פון אַן אונגליקליכען ליעבהאַבער פון אַ מיידעל און אין אַלגעמיין פון אַ פרייער פרוי; אָבער דיא ראָלע פון אַ מענשען, וועלכער שטעהט צו צו אַ פערהייראַטהער פרוי און לייגט אָב זיין לעבען דערויף, אַז ער מוז זיא ניט אַנדערש וויא אַריינשלעפּען צו זינדיגען — אַז דיעזע ראָלע האָט אין זיך עפּעס שעהנעס, גרויסאַרטיגעס און קאָן קיין מאָל ניט זיין לעכערליך. און דארום האָט ער מיט אַ שטאָלצען און לוסטיגען שמייכעל אַראָבגעלאָזען דעם בינאַקל און האָט אַ קוק געטאָהן אויף דער קוזינע.

— אָבער פאַר וואָס זייט איהר ניט געקומען צו מיטאָג? — האָט זיא געפרעגט הנאה האָבענדיג צו קוקען אויף איהם.

— דאָס דאַרף איך אייך דערצעהלען. איך בין געוועזען פערנומען, און מיט וואָס? איך וועט מיט אייך אויף הונדערט, אויף טויזענד.... איהר וועט ניט טרעפען. איך האָב געמאַכט שלום צווישען אַ מאַן מיט דעם בעליידיגער פון זיין פרוי. יאָ, ווירקליך!

— נו, וואָס, און שלום?

— כמעט.

— דאָס דארפט איהר מיר דערצעהלען — האָט זיא געזאָגט אויפהויבענדיג זיך — קומט אריין אין צווייטען אנטראקט.

— אונמעגליך: איך פאָהר אין פראנצויזישען טהעאטער.

— פון נילסאָן? — האָט מיט שרעק א פרעג געטאָהן בעטסי, וועלכע וואָלט ניט דערקענט נילסאָן פון א וועלכער ניט איז אַנדער כאָריסטקע.

— וואָס קאָן מען מאכען? איך האָב דאָרט צו טרעפען זיך מיט וועמען, אַלץ וועגען דערזעלביגער זאך, וועגען דער שלום-מאכעריי.

— געבענשט זאָלען זיין דיא שלום-מאכער, זיי וועלען זיך ראטעווען — האָט געזאָגט בעטסי, דערמאָנענדיג זיך, אז זיא האָט עפּעס געהערט אזא מין שפּרוך פון עמיצען — נו, זעצט זשע זיך, דערצעהלט, וואָס אזוינס איז דאָס? און זיא האָט זיך ווידער געזעצט.

5.

— דאָס איז אביסעל ניט בעשיידען, אָבער אזוי ליעב, אז עס ווילט זיך שרעקליך דערצעהלען — האָט געזאָגט ווראָנסקי, קוקענדיג אויף איהר מיט לאַכענדיגע אויגען — קיין פאמיליעס וועל איך ניט אָנרופען.

— אָבער איך וועל טרעפען, דאָס איז נאָך בעסער.

— הערט-זשע: פאָהרען אזוי צוויי פרעהליכע יונגע מענשען...

— זעלבסטפערשטענדליך, אָפיצערען פון אייער רעגימענט.

— איך זאָג ניט, אז אָפיצערען, איינפאך צוויי יונגע מענשען נאָך פריהשטיק.

— איבערזעצט: אויסגעטרונקענע.

— עס קאָן זיין. פאָהרען זיי צו א חבר אויף מיטאג זעהר גוט אויפגעלייגטע. ערשט זיי זעהען, א שעהנינקע פרויענצימער יאָגט זיי אריבער אויף אן איזוואָזטשיק, זיא קוקט זיך אום און, זיי דוכט זיך וויינקסטען, אז זיא שאָקעלט זיי צו מיט'ן קאָפּ און לאכט. זיי, זעלבסטפערשטענדליך, נאָך איהר. יאָגען זיך אָהן אטהעם. צו זייער פערוואונדערונג שטעלט זיך דיא שעהנהייט אָפּ ביים צופאָהר פון זעלבען הויז וואוהין זיי פאָהרען. די שעהנהייט לויפט ארויף אויף דעם אויבערשטען עטאזש. זיי זעהען בלויז רויטינקע ליפּעלאך פון אונטער דעם קורצינקען שלייער און פראכטפולע קליינע פיסלעך.

— איהר דערצעהלט דאָס מיט אזא געפיהל, אז מיר דוכט, איהר אַליין זייט איינער פון דיא צוויי.

— און וואָס האָט איהר מיר נור-וואָס געזאָגט? נו, דיא יונגע מענשען געהען אריין צום חבר, ביי איהם איז א געזעגענ-מאָהלצייט. דא טרינקען זיי אויס, קאָן זיין, אן איבעריגע גלעזעל, וויא אימער אויף געזעגענ-מאָלצייטען. און ביים טיש פרעגען זיי זיך פונאנדער, ווער וואָהנט דאָ אויבען אין הויז. קיינער ווייס

ניט, נור דעם ווירטהס לאקיי, אויף זייער פראגע, צו וואָהנען דאָ ניט אין הויז מאַמזעלען? ענטפערט זיי, אַז דאָרט זיינען פיעל זייערע. נאָך מיטאג געהען די יונגע מענשען אריין צום ווירטה אין קאבינעט און שרייבען אַ בריעף צו דער אונבעקאַנטער. האָבען אויפגעשריעבען אַ ליידענשאַפטליכען בריעף, אַ ליעבעס־ערקלעהרונג און טראָגען אַליין דעם בריעף ארויף אויבען, אום צו ערקלעהרען דאָס וואָס אין בריעף קאָן זיך ווייזען אַלס אונפערשטענדליך.

— צו וואָס דערצעהלט איהר מיר אַזעלכע אבשייליכע זאַכען? נו?

— זיי קלינגען אָן. געהט ארויס אַ מיידעל. זיי דערלאַנגען דעם בריעף און פערזיכערען איהר, אַז זיי זיינען ביידע פערליעבט, אַז זיי וועלען גלייך שטארבען דאָ ביי דער טהיר. פלוצלונג ערשיינט אַ הערר מיט באקענבארדען וויא וואורשטלעך, רויט וויא אַ ראַק, ער ערקלעהרט, אַז אין הויז וואָהנט קיינער ניט אויסער זיין פרוי, און ער טרייבטביידען ארויס.

— פון וואַנען־זשע ווייסט איהר, אַז ביי איהם זיינען באקענבארדען וויא וואורשטלעך?

— אָט הערט, היינט בין איך געפאָהרען שלום מאַכען.

— נו, איז וואָס ווייטער.

— דאָ איז דאָך דאָס די סאַמע אינטערעסאַנטע. עס שטעלט זיך ארויס, אַז דאָס איז אַ גליקליכע פּאָארעל פון אַ טיטולירטען הויף־ראַטה און טיטולירטע הויף־ראַטהיכע. דער טיטולירטער ראַטה דערלאַנגט אַ קלאַגע, און איך ווער דער שלום־מאַכער, און אַ וועלכער!... איך פערזיכער אייך, אַז טאַלייראַן האָט קיין בעטרעף ניט אין פערגלייך מיט מיר.

— אין וואָס איז דען דאָ בעשטאַנען די שווערקייט?

— אָט אדרבה הערט... מיר האָבען זיך ענטשולדיגט וויא עס דארף צו זיין: „מיר זיינען פערצווייפעלט, מיר בעטען פערצייהונג פאַר דער אונגליקליכער מיספערשטענדניס“. דער טיטולירטער ראַטה מיט די וואורשטלעך הויבט אָן צו שמעלצען, אָבער ער פערלאַנגט אויך אויסצודריקען זיינע געפיהלען. און וויא ער הויבט נור אָן אויסצודריקען זיי צוהיצט ער זיך און רעדט גראָבהייטען, און איך דארף ווידער לאָזען אין גאַנג מיינע דיפּלאָמאַטישע טאַלאַנטען: „איך שטים איין, אַז זייער האַנדלונג איז שלעכט, אָבער איך בעט אייך נעהמען אין אנבעטראַכט די מיספערשטענדניס, זייער יונגקייט; דערצו האָבען די יונגע מענשען נור וואָס געהאַט אָבגעפריהשטיקט. פאַרשטעהט איהר? זיי האָבען חרטה פון טיעפען הארצען, בעטען פערצייהונג פאַר זייער שולד“. דער טיטולירטער ראַטה ווערט ווידער ווייכער: „איך שטים איין, גראף, און בין פערטיג צו פערצייהען, פאַרשטעהט דאָך אָבער, אַז מיין פרוי, מיין פרוי, איז אַן עהרליכע פרויענצימער און ווערט פערפאָלגט פון די גראָבהייטען און געמיינהייטען פון וועלכע ניט איז יונגאַטשעס, לומ...“ און איהר פאַרשטעהט דאָך, אַז דער יונגאַטש איז דערביי און איך דארף דאָס צווישען זיי שלום שליסען. איך לאָז ווידער אין גאַנג מיין דיפּלאָמאַטיע, און ווידער, וויא עס האַלט שוין ביים סוף פון גאַנצען עסק, הויבט מיין טיטולירטער ראַטה אָן צו היצען זיך, ווערט רויט, די וואורשטלעך שטעלען זיך אויף און איך לאָז זיך ווידער אריין אין דיפּלאָמאַטישע פיינקייטען.

# אַננאַ קאַרעניִנאַ

— אַך, דאָס מוז מען אייך דערצעהלען — האָט זיך בעטסי לאַכענדיג געווענדעט צו א דאַמע, וואָס איז אריין צו איהר אין לאָזשע — ער האָט מיר דאָ געמאַכט אַזוי פיעל שפּאַס...

— נו, באָן שאַנס — האָט זיא געענדיגט דערלאַנגענדיג ווראָנסקין א פינגער, וועלכער איז געווען פריי פון האַלטען דעם פעכער און מיט א בעוועגונג פון די שולטערן האָט זי אַרונטערגעלאָזען דאָס אַרויפגערוקטע לייבעל פון קלייד, אום צו זיין אין גאַנצען הויל, ווען זיא וועט צוגעהן צום פראָנט, אונטער דער גאַז־בעלייכטונג און אַלע זאָלען זעהען.

ווראָנסקי איז אַוועקגעפאָהרען אין פראַנצויזישען טהעאַטער, וואו ער האָט ווירקליך געדאַרפט זעהען זיך מיט'ן רעגימענט־קאָמאַנדיר, וועלכער האָט ניט דורכגעלאָזען קיין איין פאָרשטעלונג אין פראַנצויזישען טהעאַטער. ער האָט מיט איהם געדאַרפט דורכריידען זיך וועגען זיין שלום־מאַכעריי, מיט וואָס ער איז געווען פערנומען און וואָס איהם האָט אַמוזירט שוין דעם דריטען טאָג. אין דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט איז געווען פערמישט פעטריצקי, וועלכען ער האָט געליעבט, און אַן אַנדערער, וואָס איז ניט לאַנג אַריינגעטראָטען אין דיענסט, א וואוילער יונג, א גוטער קאַלעגע, דער יונגער פירסט קעדראוו. און דער עיקר איז, דאָ זיינען געווען פערמישט דיא אינטערעסען פון רעגימענט.

ביידע האָבען געדיענט אין ווראָנסקי'ס עסקאַדראָן. צום קאָמאַנדיר פון רעגימענט איז געקומען צופאָהרען א טשינאָווניק, דער טיטולירטער ראַטה ווענדען, מיט א קלאַגע געגען זיינע אָפיצערען, וועלכע האָבען בעליידיגט זיין פרוי. זיין יונגע פרוי — וויא ווענדען האָט דערצעהלט — איז געווען מיט איהר מוטער אין קלויסטער און פלוצלונג, דערפיהלענדיג אונגעזונד, וואָס עס קומט פון א געוויסען צושטאַנד, האָט זיא ניט געקאָנט מעהר שטעהן און איז אַוועקגעפאָהרען אַהיים מיט דעם ערשטען שנעלען איזוואָזטשיק וואָס זיא האָט געקענט בעקומען. דאָ האָבען זיך נאָך איהר געלאָזט יאָגען דיא אָפיצערען, זיא האָט זיך צושראָקען, איז נאָך קראַנקער געוואָרען און האָט זיך געלאָזט לויפען אַרויף דיא טרעפּ אַהיים. ווענדען אַליין האָט דערהערט, ווען ער איז געקומען פון קאַנצעלאַריע אַהיים, א קלינגעריי אין טהיר און עפּעס שטימען; ער איז אַרויס און דערזעהענדיג שיכור'ע אָפיצערען מיט א בריעף האָט ער זיי אַרויסגעשטויסען פון טיהר. ער פאָדערט אַלזאָ שטרייִנגע בעשטראַפונג.

— ניין, זאָגט וואָס איהר ווילט — האָט דער רעגימענט־קאָמאַנדיר אָנגעהויבען צו ווראָנסקין, וועלכען ער האָט איינגעלאַדען צו זיך — פעטריצקי ווערט אונערטרעגליך. עס געהט ניט אַריבער א וואָך אָהן עפּעס א געשיכטע. דער דאָזיגער טשינאָווניק וועט דאָס אַזוי ניט אָבלאָזען, ער וועט געהן ווייטער.

ווראָנסקי האָט געזעהען דיא גאַנצע אונדאַנקבאַרקייט פון אַזאַ אַנגעלעגענהייט און אַז קיין דועל קאָן דאָ ניט געמאָלט זיין; מען דאַרף דאָ אַלעס טאָהן אום ווייכער צו מאַכען דעם טיטולירטען ראַטה און צורייבען דיא זאַך. דער רעגימענט־קאָמאַנדיר האָט געלאָזט רופען ווראָנסקין נעמליך דערפאַר, ווייל ער האָט איהם געקענט אַלס אַן אדעלמאַן און א קלוגען מענשען, און הויפּטזעכליך פאַר א מענשען פאַר וועלכען דיא עהרע פון'ם רעגימענט איז טהייער. זיי האָבען דורכ־

געשמועסט און האָבען בעשלאָסען, אַז פּעטריצקי און קעדראָוו זאָלען פאָהרען צוזאַמען מיט ווראָנסקי׳ן צו דעם טשינאָווניק און זאָלען זיך ענטשולדיגען. דער פּאָלקאָווניק און וו־אָנסקי האָבען פערשטאַנען, אַז ווראָנסקיס נאָמען און דער הערב פון אַ פליגעל־אַדיוטאַנט קאָן ווירקען אַז דער טיטולאַר־ראַטה זאָל ווייכער ווערען. און ווירקליךביידע מיטלען האָבען זיך טהיילווייז געוויזען ווירקזאַם. אָבער עס איז אַלץ געבליבען אַ צווייפעל אויב דער רעזולטאַט וועט זיין בעפרידיגענד.

קומענדיג אין פראַנצויזישען טהעאַטער איז ווראָנסקי ארויס מיט דעם פּאָלקאָווניק אין פאָיע און האָט איהם דערצעהלט וועגען זיין ערפאָלג און מיסערפאָלג. בעטראַכטענדיג אַלעס האָט דער קאָמאַנדיר בעשלאָסען צו לאָזען דיא זאַך פאַלען. נור פון פערגעניגען וועגען האָט ער געבעטען ווראָנסקין דערצעהלען וויא דאָס איז צוגעגאַנגען, און ער האָט לאַנג ניט געקאָנט איינהאַלטען זיך פון געלעכטער, הערענדיג ווראָנסקיס דערצעהלונג, וויא דער איינגעשטילטער טשינאָווניק האָט זיך פּלוצלונג ווידער צוהיצט, און וויא ווראָנסקי האָט ביים לעצטען וואָרט פון פריעדען געזוכט אָבצוטרעטען אַהינטער און האָט געשטופּט פאָראויס פּעטריצקין.

— אַ פּאַסקודנע געשיכטע, אָבער זעהר שפּאַסהאַפט. קעדראָוו קאָן זיך דאָך ניט געהן שלאָגען אויף אַ דועל מיט דעם דאָזיגען הערען! האָט זיך יענער אַזוי געהיצט? — האָט לאַכענדיג אַלץ איבערגעפרעגט דער קאָמאַנדיר — און וויא געפעלט אייך היינט  ק ל ע ר? אַ פּראַכט! — האָט ער געזאָגט וועגען דער נייער פראַנצויזישער אַקטריסע — וויפיעל מאָהל מען זאָל זיא ניט זעהען, איז זיא יעדען טאָג אַ נייע. בלויז דיא פראַנצויזען קאָנען דאָס.

פירסטין בעטסי האָט פערלאָזען דעם טהעאַטער ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף דעם סוף פון לעצטען אַקט. נור וואָס זיא האָט בעוויזען אריינצוגעהן אין איהר טואַלעט צימער און בעשיטען איהר לאַנגען בלייכען פּנים מיט פּודרע, אָבּרייבען עס, צורעכט מאַכען זיך און הייסען דערלאַנגען טהע אין גרויסען גאַסטצימער, וויא עס האָבען שוין איינע נאָך דיא אַנדערע אָנגעהויבען צוצופאָהרען קאַרעטען צו איהר גרויסען הויז אויף באַלשאַיאַ מאַרסקאַיאַ. דיא געסט זיינען ארויסגעגאַנגען פון דיא קאַרעטען אויף דעם ברייטען צופאָהר־גאַניק, און דער פּעטער שווייצאַר, וועלכער פלעגט אין־דער־פריה לעזען הינטער דער גלעזערנער טיהר אַ צייטונג, אַז אַלע פערבייגעהענדע זאָלען זעהען, האָט שטיל געעפענט דיא גרויסע גלעזערנע טיהר, דורכלאָזענדיג דורך איהר דיא אָנגעפאָהרענע.

כמעט אין דערזעלבער צייט זיינען אריין דיא ווירטהין מיט אַן אָבגעפרישטע פריזור און אָבגעפרישטען פּנים פון איין טיהר, און דיא געסט פון דער אַנדערער, אין דעם גרויסען זאַל מיט דיא דונקעלע ווענד, מיט פּוכיגע טעפּיכע און העל בעלויכטענעם טיש, וועלכער האָט געגלאַנצט אונטער דער בעלויכטונג פון ליכט מיט דער ווייסער טיש־דעקע, מיט דעם זילבערנעם סאַמאָוואַר און דורכזיכטיגען פּאָרצעלאַי פון דעם טהעע־סערוויז.

דיא ווירטהין האָט זיך געזעצט הינטער דעם סאַמאָוואַר און האָט אַראָבגענומען דיא האַנדשוה. איבעררוקענדיג דיא שטוהלען מיט דער הילף פון דיא

אונבעמערקטע לאַקייען האָט זיך דיא געזעלשאַפט צוזעצט, צוטהיילענדיג זיך אויף צוויי טהייל — ביים סאַמאַוואַר מיט דער ווירטהין, און אויף דער אַנדער זייט לעבען דער שעהנער פרוי פון אַ געזאַנדטען אין שוואַרצע זאַמעט און מיט שוואַרצע, שניידענדע ברעמען. דאָס געשפּרעך אין ביידע מיטעלפונקטען, וויא אימער אין דיא ערשטע מינוטען, איז ניט געגאַנגען גלאַט, פלעגט זיין איבערגעשלאָגען פון בעגריסונגען פון ניי־אָנגעקומענע, פון פאָרשלאָגען טהעע, אַזוי וויא זוכענדיג אויף וואָס אָבצושטעלען זיך.

— אַלס אַן אַקטריסע איז זיא אונגעוועהנליך שעהן; קענטיג, אַז זיא האָט געלערענט קוילבאַכען — האָט געזאָגט אַ דיפּלאָמאַט אין דעם קרייז פון דעם געזאַנדטענס פרוי — איהר האָט באַמערקט וויא זיא איז געפאַלען...

— אַך, געפעליגסט, לאָמיר ניט ריידען וועגען נילסאָן! ניטאָ וועגען איהר וואָס נייעס צו זאָגען — האָט געזאָגט אַ דיקע, רויטע, אָהן ברעמען און אָהן אַ שיניאָן, בלאָנדע דאַמע אין אַן אַלטע זיידענע קלייד. דאָס איז געווען דיא פירסטין מיאַכקאַיאַ, וועלכע איז געווען בעוואוסט פאַר איהר איינפאַכקייט, גראָבע בענעהמונגען און האָט בעקומען דעם נאָמען ע נ פ א נ ט  ט ע ר ר י ב ל. דיא פירסטין מיאַכקאַיאַ איז געזעסען אין מיטען צווישעןביידע קרייזען און צוהערענדיג זיך האָט זיא גענומען אַנטהייל דאָס אין דעם און דאָס אין יענעם.

— מיר האָבען היינט דריי מענשען געזאָגט דיעזעלבע פראַזע וועגען קוילבאַך, אַזוי וויא זיי וואָלטען זיך צונויפגערעדט.

— דערצעהלט אונז עפּעס שפּאַסהאַפטעס, אָבער ניט בייזעס — האָט געזאָגט דעם געזאַנדטענס פרוי, אַ גרויסע בריה אויף שעהנע געשפּרעכען, וואָס מען רופט אויף ענגליש סמאָלל־טאָק, ווענדענדיג זיך צום דיפּלאָמאַט, וועלכער האָט ניט געוואוסט וויא אַ קירעווע צו טאָהן אויף אַ נייעם געשפּרעך.

— מען זאָגט, אַז דאָס איז זעהר שווער, אַז בלויז בייזעס קאָן זיין שפּאַסד׳זפּט — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ שמייכעל — אָבער איך וועל פּרובירען. גיט אַ טהעמאַ. אַלץ היינגט אָב פון טהעמאַ. אויב אַ טהעמאַ איז פאַראַן קאָן מען שוין אויף איהר אויסנעהען. איך דיינק אָפט, אַז פאַר דיא בעריהמטע שמועסער פון פאָריגען יאָהרהונדערט, וואָלט איצט געווען שווער צו זאָגען עפּעס קלוגעס. אַלעס וואָס קלוג האָט אַזוי דערעסען...

— שוין לאַנג ארויסגעזאָגט געוואָרען — האָט לאַכענדיג געזאָגט דעם געזאַנדטענס פרוי.

דער געשפּרעך האָט זיך אָנגעהויבען זאַנפט; אָבער דערפאַר טאַקע וואָס צו זאַנפט האָט ער זיך ווידער אָבגעשטעלט. מען האָט געמוזט נעהמען זיך פאַר דעם זיכערען מיטעל — באַריידען.

— געפינט איהר ניט, אַז אין טושקעוויטשען איז פאַראַן עפּעס פון לואי דעם פופצעהנטען? — האָט ער געזאָגט אָנווייזענדיג מיט דיא אויגען אויף דעם שעהנעם בלאָנדען יונגען מאַן, וועלכער איז געשטאַנען לעבען טיש.

— אָ, יאָ, ער איז פון דעמזעלבען געשמאַק וואָס דער זאַל, דערפאַר איז ער דאָ אַזוי אָפט.

דער דאָזיגער געשפּרעך איז אונטערגעכאַפּט געוואָרען, אַזוי וויא דאָ האָט

זיך גערעדט מיט אנדייטונגען אויף דאָס, וואָס מען האָט דאָ אין זאָל ניט געטאָרט ריידען. דאָס הייסט וועגען דיא בעציהונגען פון טושקעוויטשען צו דער ווירטהין.

לעבען סאמאוואר און דער ווירטהין האָט דאָס געשפרעך אויך געשאָ־קעלט זיך צווישען דריי טהעמאס : וועגען דיא לעצטע געזעלשאַפטליכע נייעס, וועגען טהעאַטער און באריידען דיא נאָהענטע. און ענדליך האָט עס זיך אויך אָבגעשטעלט אויף דאָס לעצטע, דאָס הייסט — באריידען.

— האָט איהר געהערט, אז מאַלטישטשעווא, ניט דיא טאָכטער, נור דיא מוטער נעהט זיך אויף א קאָסטיום ד י א ב ל ר אָ ז.

— עס קאָן ניט זיין ? ניין, דאָס איז דאָך פרעכטיג !

— איך וואונדער זיך, וויא מיט איהר שכל, זיא איז דאָך ניט קיין נאר, זאָל זיא ניט קאָנען איינזעהען, וויא לעכערליך זיא איז.

יעדער האָט געהאט עפּעס צו זאָגען אום צו בעאורטהיילען און אָבלאכען פון דער אונגליקליכער מאַלטישטשעווא, און דאָס געשפרעך האָט זיך איצט לוסטיג צוקנאקט, וויא א צופלאקערטער שייטערהויפען. פירסטין בעטסי'ס מאַן, א גוטמוטהיגער, פעטער, ליידענשאפטליכער זאמלער פון גראוויורען, דערוויסענדיג זיך, אז ביי דער פרוי זיינען געסט, איז אויך אריינגעקומען בע־פאר אוועקגעהען אין זיין קלוב. גאנץ שטיל איז ער צוגעגאנגען איבער דעם ווייכען טעפּיך צו דער פירסטין מיאכקאיא.

— וויא איז אייך געפעלען געוואָרען נילסאָן ? — האָט ער געזאָגט.

— אַך, מעג מען זיך דאָס אזוי אונטער'גנב'ענען ? וויא איהר האָט מיך דערשראָקען ! — האָט זיא געענטפערט — רעדט מיט מיר ניט, איך בעט אייך, וועגען דער אָפּערע, איהר פארשטעהט גאָרנישט אין מוזיק. איך וועל זיך בעסער אראָבלאָזען ביז אייך און וועל ריידען מיט אייך וועגען אייערע גראוויורען. נו, וועלכע אוצרות האָט איהר געקויפט ניט לאנג אויף דער טאלקוטשקע ?

— ווילט איהר קאָן איך אייך ווייזען ? אָבער איהר ווייסט דאָך דעריין קיין טאָלק ניט.

— ווייזט, איך האָב זיך אויסגעלעהרנט ביי דיא, וויא רופט מען זיי... באנקיערען . . . ביי זיי זיינען פאראן פראכטפולע גראוויורען. זיי האָבען אונז געוויזען.

— וויא, איהר זייט געוועזן ביי שיוצבורגען ? — האָט א פרעג געטהאָן דיא ווירטהין פון סאמאוואר.

— בין געוועזן, מיין פריינד, זיי האָבען מיך מיט'ן מאַן איינגעלאדען צו מיטאג און מען האָט מיר דערצעהלט, אז דער סאָוס אליין פאר דעם דאָזיגען מיטאג האָט געקאָסט טויזענד רובעל — האָט הויך געזאָגט פירסטין מיאכקאיא, פיהלענדיג אז אלע הערען זיא — און זעהר פאסקודנער סאוס איז דאָס געוועזן, עפּעס גרינס. מען האָט זיי געדארפט א רוף טאָהן און ווייזען אז איך האָב געמאכט סאוס פאר פינף און אכציג קאָפּיקעס און אלע זיינען געוועזן זעהר צו־פריעדען. איך קאָן קיין טויזענד־רובעלדיגען סאוס ניט מאכען.

— זיא איז דיא איינציגע ! — האָט געזאָגט דיא ווירטהין.

# אננא קארענינא

— וואונדערליך איז זיא ! — האט עמיצער געזאגט.

דער עפעקט פון פירסטין מיאכקאיא'ס רייד איז אלע מאהל געווען דער־זעלביגער און דער סוד פון דעם עפעקט איז בעשטאנען דעריין, וואס זיא האט געזאגט, הגם פראסטע זאכען און ניט צו דער זאך, אבער עס איז דעריין שטענדיג געווען א זינען. דיא פירסטין מיאכקאיא האט ניט געוואוסט פאר וואס איהרע ווערטער מאכען אזא ווירקונג, אבער זיא האט געוואוסט אז זיי מאכען און זיא האט זיך דערמיט בענוצט.

אזוי וויא אין דער צייט פון דער פירסטין'ס רייד האבען זיא אלע געהערט און דאס געשפרעך לעבען דער פרוי פון דעם געזאנדטען האט אויפגעהערט, האט דיא ווירטהין געוואלט פערבינדען דיא גאנצע געזעלשאפט צוזאמען און האט זיך געווענדעט צו דעם געזאנדטענס פרוי.

—ווילט איהר ענטשידען ניט קיין טהעע ? איהר וואלט בעסער אריבער־קומען צו אונז.

— ניין, אונז איז גוט דא אויך.

דאס געשפרעך איז געווען זעהר אנגענעהם. מען האט בערעדט דיא קארענינס, דעם מאן און דיא פרוי.

— אננא האט זיך זעהר געענדערט זינט איהר רייזע קיין מאסקווא. אין איהר קומט פאר עפעס זאנדערבארעס — האט געזאגט איהר פריינדין.

— דיא ענדערונג אין איהר קומט דערפון, וואס זיא האט געבראכט מיט זיך ווראנסקים שאטען — האט געזאגט דעם געזאנדטענס פרוי.

— נו, איז וואס ? ביי גרים איז פאראן א פאבעל: א מענש אהן שאטען, הייסט אז דער מענש האט פערלארען זיין שאטען. און דאס איז איהם א שטראף פאר עפעס. איך האב קיין מאהל ניט געקאנט פארשטעהן אין וואס אזא שטראף באשטעהט. אבער א פרויענצימער מוז פיהלען אונאנגענעהם אהן שאטען.

— יא, אבער פרויען מיט שאטענס ענדיגען געוועהנליך זעהר שלעכט — האט געזאגט אננא'ס פריינדין.

— א פיפיץ אייך אויף דער צונג — האט פלוצלונג געזאגט פירסטין מיאכקאיא, דערהערענדיג דיא דאזיגע ווערטער — קארענינא איז א פראכט־פולע פרויענצימער. איהר מאן האב איך ניט ליעב, זיא האב איך זעהר ליעב.

— פאר וואס־זשע ליעבט איהר ניט דעם מאן ? ער איז אזא מערקוויר־דיגער מענש — האט געזאגט דעם געזאנדטענס פרוי — מיין מאן זאגט, אז אזעלכע שטאאטס־מענער זיינען זעלטען אין אייראפא.

— און מיר זאגט אויך אזוי דער מאן, אבער איך גלויב ניט — האט געזאגט פירסטין מיאכקאיא — אויב אונזערע מענער וואלטען ניט ריידען וואל־טען מיר אליין געזעהען דאס וואס עס איז פאראן. און ביי מיר קומט אויס, אז אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש איז איינפאך א נאר. איך זאג דאס בסוד . . . פריהער, ווען מען האט מיר געהייסען אז איך מוז מיינען אז ער איז קלוג, האב איך אלץ געזוכט און האב געפונען, אז איך בין אליין דום, ניט זעהענדיג

זיין חכמה, און וויא נור איך האָב געזאָגט: ע ר  א י ז  ד ו ם, אָבער איך זאָג דאָס בסוד, און אַלעס איז אזוי קלאָהר געוואָרען. ניט אמת?

— עס הויבט זיך ניט אָן. ביי מיר איז ניטאָ קיין אנדער אויסגאנג. איינער פון צוויי איז נאריש. נו, און איהר ווייסט דאָך וועגען זיך קאָן מען דאָס קיין מאָהל ניט זאָגען.

— קיינער איז ניט צופריעדען מיט זיין פערמעגען און יעדערער איז צופריעדען מיט זיין שכל — האָט דער דיפּלאָמאַט געזאָגט א פראנצויזישען פערז.

— אָט, אָט נעמליך — האָט זיך שנעל א ווענד געטאהן צו איהם פירסטין מיאכקאיא — אָבער דיא זאַך איז אז אננא'ן וועל איך אייך ניט אָבגעבען; זיא איז אזא וואוילע, אזא ליעבליכע. וואָס זשע זאָל זיא טאָהן, ווען אלע זיינען אין איהר פערליעבט און פאָלגען איהר נאָך אזוי וויא שאטענס?

— איך וויל דאָך אָבער גאָר ניט בעאורטהיילען זיא — האָט זיך פאַר־ענטפערט אננא'ס פריינדין.

— אויב נאָך אונז פאָלגט קיינער ניט וויא א שאטען הייסט דאָס נאָך ניט אז מיר האָבען רעכט צו אורטהיילען.

— און וועמען בארעדט איהר דאָרט? — האָט בעטסי א פרעג געטאָהן פון אנדער ברעג.

— וועגען דיא קארענינס ריידען מיר. דיא פירסטין האָט כאראַקטערי־זירט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש — האָט געענטפערט דעם געזאנדטענס פרוי מיט א שמייכעל.

— שאדע וואָס מיר האָבען ניט געהערט — האָט געזאָגט דיא ווירטהין, אומקוקענדיג זיך צו דער טיהר פון אריינגאנג — און אָט זייט איהר ענדליך געקומען — האָט זיא זיך א קעהר געטאָהן מיט א שמייכעל צום אריינגעקומענעם ווראנסקי.

ווראָנסקי איז ניט בלויז געווען בעקאנט מיט אַלעמען, נור האָט יעדען טאָג זיי אַלעמען געזעהען און דארום איז ער אריינגעקומען מיט יענער רוהיגער באנעהמונג, וויא מען געהט אריין אין צימער צו מענשען, פון וועלכע מען איז נור וואָס ארויס.

— פון וואנען איך קום? — האָט ער געענטפערט אויף דער פראגע פון דעם געזאנדטענס פרוי — וואָס קאָן מען מאכען, מען מוז זיך מודה זיין. פון טהעאטער בופה. דוכט זיך דאָס הונדערטסטע מאָהל און אַלץ מיט נייעם פער־גניגען. א פראכט! איך ווייס אז דאָס איז מיאוס; אָבער אין אָפּערא שלאָף איך, און אין בופה דערזיץ איך ביז דער לעצטער מינוט, און עס איז פרעהלאָך. היינט....

ער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון א פראנצויזישער אקטריסע און האָט געוואָלט דערצעהלען וועגען איהר, אָבער דיא פרוי פון דעם געזאנדטען האָט מיט שפּאסהאפטען שרעק איהם איבערגעשלאָגען:

— געפעלינגסט, דערצעהלט ניט וועגען דיא דאָזיגע שרעקליכע זאכען.

— נו, וועל איך ניט, בפרט אז אַלע ווייסען דאָך שוין פון דיעזע שרעק־ליכע זאכען.

— און אלע וואלטען געפאהרען אהין, אויב דאס וואלט בלויז געווען אזוי גוט אנגענומען, וויא אפערא — האט געזאגט פירסטין מיאכקאיא.

7.

אין דער אריינגאנגס טיהר האבען זיך דערהערט טריט און פירסטין בעטסי, וויסענדיג אז דאס איז קארענינא, האט א קוק געטאהן אויף ווראנסקי. ער האט א קוק געטאהן אויף דער טיהר און זיין פנים האט געהאט א זאנדערבארען נייעם אויסדרוק. ער האט מיט פרייד, דורכדרינגליך און דערביי אויך זעהר צו־ריקגעהאלטען געקוקט אויף דער אריינגעקומענער און האט זיך לאנגזאם אויפגע־הויבען. אין זאל איז אריינגעקומען אננא. וויא אימער, האלטענדיג זיך גראד און ניט בייטענדיג דיא ריכטונג פון איהר בליק האט זיא געמאכט עטליכע טריט, מיט יענעם שנעלען, פעסטען און לייכטען טראט, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט פון דעם גאנג פון אנדערע געזעלשאפטס־דאמען. זיא איז צוגעגאנגען צו דער ווירטהין, האט א דריק געטאהן איהר האנד, האט א שמייכעל געטאהן און מיט דעם זעלבען שמייכעל אומגעקוקט זיך צו ווראנסקין. ער האט זיך טיעף פערנייגט און האט פאר איהר צוגערוקט א שטוהל.

זיא האט געענטפערט בלויז מיט א שאקעל פון קאפ, איז רויט געווארען און האט זיך אנגעוואלקענט. אבער באלד, א נייג טאהנדיג מיט'ן קאפ צו דיא בעקאנטע און דריקענדיג דיא אויסגעשטרעקטע הענד, האט זיא זיך א ווענד גע־טאהן צו דער ווירטהין:

— איך בין געווען ביי דער גרעפין לידיא און האב געוואלט פריהער קו־מען, האב זיך אבער פארזעסען. ביי איהר איז געווען סער דזשאהן. זעהר אן אינטערעסאנטער.

— אך, דאס איז דער מיססיאנער?

— יא, ער האט דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון דיא אינדיער זעהר אינטערעסאנטעס.

דאס געשפרעך, וואס האט זיך איבערגעריסען פון איהר קומען, האט זיך ווידער געוויקעלט, וויא דער פייער פון א לאמפ, וואס מען פארלעשט.

— סער דזשאהן! יא, סער דזשאהן. איך האב איהם געזעהען. ער רעדט שעהן. וולאסיעווא איז גאר פערליעבט אין איהם.

— איז דאס אמת, אז דיא יונגערע וולאסיעווא געהט הייראטהען מיט טאפאווען?

— יא, מען זאגט אז דאס איז שוין ענטשיעדען.

— איך וואונדער זיך אויף דיא עלטערען. מען זאגט, אז דאס איז א שידוך אויס ליידענשאפט.

— אויס ליידענשאפט? וועלכע אנטידילואוויאלע בעגריפע ביי איך זיי־

# אננא קאַרעני נא

נען! ווער רעדט דאָס איצט וועגען ליידענשאַפט? — האָט געזאָגט דעם גע־זאַנדטענס פרוי.

— וואָס איז צו מאַכען? דיא דאָזיגע נארישע, אַלטע מאָדע לעבט זיך נאָך אַלץ ניט אויס — האָט געזאָגט ווראָנסקי.

— דעסטאָ ערגער איז דאָס פאַר דיא, וואָס האַלטען זיך נאָך פאַר דער דאָזיגער מאָדע. איך קען גליקליכע חתונות נור פון אויסרעכענונג.

— יא, אָבער דערפאַר פאַסירט אַזוי אָפט, אַז חתונות אויס רעכענונג צו־פליהען זיך וויא שטויב טאַקע דערפאַר, וואָס עס קומט אָן יענע ליידענשאַפט, וועלכע מען האָט ניט אַנערקענט — האָט געזאָגט ווראָנסקי.

— אָבער פאַר הייראַטהען לויט אויסרעכענונג האַלט מען יענע, ווען ביידע האָבען זיך שוין איבער'משוגע'ווּעט. דאָס איז אַזוי וויא סקאַרלאַטין, מען דאַרף דאָס איבערקומען.

— דאַן דאַרף מען זיך אויסלערנען קינסטליך איינצואימפּפען ליעבע אַזוי וויא פּאָקען.

— איך בין אין דער יוגענד געווען פערליעבט אין אַ שמש'ל פון אַ קירכע —האָט געזאָגט פירסטין מיאַכקאַיאַ — איך וויים ניט צו דאָס האָט מיר גע־האָלפען.

— ניין, איך מיין, אָהן שפּאַס, אַז אום צו קענען דערקענען ליעבע, איז נויטיג אַ טעות צו מאַכען און דערנאָך פאַררייכטען — האָט געזאָגט פירסטין בעטסי.

— אפילו נאָך דער חתונה? — האָט שפּאַסהאַפט געזאָגט דעם געזאַנד־טענס פרוי.

— עס איז קיין מאָל ניט שפּעט חרטה צו האָבען — האָט דער דיפּלאָמאַט ציטירט אַן ענגלישען שפּרוך.

— טאַקע אַזוי — האָט אונטערגעכאַפּט בעטסי — מען דאַרף אַ טעות האָבען און פאַררייכטען. וויא דיינקט איהר וועגען דעם? — האָט זיא זיך גע־ווענדעט צו אננא, וועלכע האָט מיט קוים אַ באַמערקבאַרען האַרטען שמייכעל אויף דיא ליפּען געהערט דעם געשפּרעך.

— איך מיין, — האָט אננא געזאָגט, שפּיעלענדיג מיט דער אָראָבגעצויי־גענער האַנדשוה—איך מיין... אויב וויפיעל קעפּ אַזוי פיעל שכל'ען דאַן איז ווי־פיעל הערצער אַזוי פיעל מינים ליעבע.

ווראָנסקי האָט געקוקט אויף אננא און מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ געוואַרט וואָס זיא וועט זאָגען. ער האָט זיך אָבגעזיפצט וויא נאָך אַ געפאַהר, ווען זיא האָט אַרויסגערעדט דיא ווערטער.

— און איך האָב ערהאַלטען פון מאָסקווא אַ בריעף. מען שרייבט מיר, אַז קיטי שטשערבאַצקאַיאַ איז זעהר קראַנק.

זיא האָט זיך פּלוצלונג געווענדעט צו איהם:

— ווירקליך? — האָט פערוואָלקענט געזאָגט ווראָנסקי.

אננא האָט אויף איהם שטריינג אַ קוק געטאָהן.

— אייך אינטערעסירט דאָס ניט?

— פארקעהרט, זעהר. וואס שרייבט מען אייך נעמליך, אויב מען מעג וויסען? — האט ער געפרעגט.

אננא האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו בעטסי.

— גיט מיר א טאסס טהעע — האט זיא געזאגט, אבשטעלענדיג זיך הינ־טער איהר שטוהל.

אין דער צייט וואס בעטסי האט צוגאסען טהעע איז ווראנסקי צוגעגאנגען צו אננא.

— וואס־זשע שרייבט מען אייך? — האט ער ווידערהאלט.

— איך דיינק אפט, אז מאנסלייט פארשטעהען ניט, וואס אונאדעליג איז און ריידען אימער וועגען דעם — האט געזאגט אננא, ניט ענטפערענדיג איהם — איך האב אייך שוין לאנג געוואלט זאגען.

זיא האט געמאכט עטליכע טריט און האט זיך געזעצט ביים ווינקעל־טי־שעל אויף וועלכען עס זיינען געלעגען אלבאמען.

— איך פארשטעה ניט אין גאנצען דיא בעדייטונג פון אייערע ווערטער— האט ער געזאגט, דערלאנגענדיג איהר דיא טאסס טהעע.

זיא האט א קוק געטאהן אויפ'ן דיוואן לעבען זיך און ער האט זיך גלייך געזעצט.

— יא, איך האב אייך געוואלט זאגען — האט זיא געזאגט ניט קוקענדיג אויף איהם: — איהר האט געהאנדעלט שלעכט, שלעכט, זעהר שלעכט.

— ווייס איך דען ניט, אז איך האב שלעכט געהאנדעלט? אבער ווער איז דיא אורזאכע, וואס איך האב אזוי געהאנדעלט?

— צו וואס זאגט איהר מיר דאס? — האט זיא געזאגט, שטריינג קוקענ־דיג אויף איהם.

—איהר ווייסט צו וואס — האט ער געענטפערט דרייסט און מיט פרייד, באגעגענדיג איהר בליק און ניט ארפבלאזענדיג דיא אויגען.

ניט ער, נור זיא האט זיך צומישט.

— דאס בעוויזט נור, אז איהר האט קיין הארץ ניט — האט זיא געזאגט. אבער איהר בליק האט גערעדט, אז זיא ווייס, דאס ער האט יא א הארץ און דער־פאר האט זיא פאר איהם מורא.

— דאס, וועגען וואס איהר האט נור־וואס גערעדט, איז געוועזן א טעות, און ניט ליעבע.

—איהר גערדיינקט, אז איך האב אייך פערבאטען אויסצושפרעכען דאס דאזיגע ווארט, דאס דאזיגע עקעלהאפטע ווארט — האט מיט א שוידער געזאגט אננא; אבער דא האט זיא דערפיהלט, אז מיט דעם איין ווארט פ ע ר ב א־ ט ע ן האט זיא שוין געוויעזען, אז זיא נעהמט זיך געוויסע רעכטע אויף איהם און דערמיט אליין שוין האט זיא בעוואויגען איהם צו ריידען וועגען ליעבע.

— איך האב דאס אייך לאנג געוואלט זאגען — האט זיא פארטגעזעצט, קוקענדיג ענטשלאסען איהם אין דיא אויגען און אין גאנצען פלאמענדיג פון דער רויטקייט, וואס האט געבריהט איהר פנים — און היינט בין איך אומישטנע גע־קומען וויסענדיג, אז איך וועל אייך טרעפען. איך בין געקומען צופאהרען אום אייך

צו זאָגען, אז דאָס מוז זיך ענדיגען. איך בין נאָך קיין מאָהל פאר קיינעם ניט רויט געוואָרען, און איהר צווינגט מיך צו פיהלען זיך שולדיג אין עפּעס.

ער האָט א קוק געטאָהן אויף איהר און איז געוועזן איבערראַשט פון דער נייער גייסטיגער שעהנהייט פון איהר פּנים.

— וואָס ווילט איהר פון מיר ? — האָט ער געזאָגט איינפאך און ערענסט.

— איך וויל, אז איהר זאָלט פאָהרען קיין מאָסקווא און בעטען ביי קיטי פערצייהונג — האָט זיא געזאָגט.

— איהר ווילט דאָס ניט — האָט ער געענטפערט.

ער האָט געזעהען, אז זיא זאָגט דאָס, וואָס זיא צווינגט זיך צו זאָגען, און ניט דאָס, וואָס זיא וויל.

— אויב איהר ליעבט מיך, וויא איהר זאָגט — האָט זיא געמורמעלט — דאן מאַכט, אז איך זאָל רוהיג זיין.

זיין געזיכט האָט א שיין געטאָהן.

— ווייסט איהר דען ניט, אז איהר זייט פאר מיר דאָס גאנצע לעבען ; אָבער פון קיין רוהע ווייס איך ניט און קאָן דאָס אויך אייך ניט געבען. זיך אין גאנצען, ליעבע... יא. איך קאָן ניט דיינקען פון אייך בעזונדער און פון זיך בעזונדער. איהר און איך איז פאר מיר איינס. און איך זעה ניט פאָראויס קיין מעגליכקייט פון רוה, ניט פאר זיך און ניט פאר אייך. איך זעה דיא מעגליכקייט פון פערצווייפלונג, אונגליק... אָדער איך זעה דיא מעגליכקייט פון גליק, און וועלכען גליק !... איז דאָס דען אונמעגליך ? — האָט ער געענדיגט בלויז מיט דיא ליפּען, אָבער זיא האָט געהערט.

זיא האָט אָנגעשטריינגט אלע קרעפטען פון איהר שכל צו זאָגען דאָס, וואָס מען דארף ; אָבער אנשטאט דעם האָט זיך אָבגעשטעלט אויף איהם איהר בליק פול מיט ליעבע און זיא האָט גאָרנישט געענטפערט.

„אָט איז דאָס ! — האָט ער מיט ענטציקונג א טראַכט געטאָהן — דאן ווען איך בין שוין געוועזן פערצווייפעלט און ווען עס האָט זיך שוין געדוכט, אז עס וועט קיין סוף ניט זיין — אָט איז דאָס ! זיא ליעבט מיך. זיא געשטעהט דאָס אליין.“

— טהוט עס דאָך צוליעב מיר, רעדט צו מיר קיין מאָהל ניט דיא דאָזיגע ווערטער, און לאָמיר זיין גוטע פריינד — האָט זיא געזאָגט מיט ווערטער, אָבער איהר בליק האָט גערעדט גאָר וואָס אנדערעס.

— קיין פריינד וועלען מיר ניט זיין, איהר ווייסט דאָס אליין. און צו וועלען מיר זיין דיא גליקליכסטע אָדער דיא אונגליקליכסטע צווישען מענשען, דאָס איז אין אייער מאַכט.

זיא האָט געוואָלט וואָס זאָגען, אָבער ער האָט איבערגעשלאָגען :

— איך בעט דאָך בלויז איינס : איך בעט דאָס רעכט צו האָפען, ליידען, אזוי וויא איצט ; נור אויב אפילו דאָס איז אונמעגליך, דאן הייסט מיר פערשווינדען, און איך וועל פערשווינדען. איהר וועט מיך ניט זעהען, אויב מיין אנוועזענהייט איז פאר אייך שווער.

— איך וויל אייך ערגעץ ניט פערטרייבען.

# אננא קארעענינא

— ענדערט בלויז קיין זאך ניט. לאָזט אַלעס איבער וויא עס איז — האָט ער געזאָגט מיט א ציטערענדער שטימע — אָט איז אייער מאַן.

ווירקליך, אין דיזער מינוט איז אריינגעקומען אַלעקסיי אַלעקסאַנ־דראָוויטש מיט זיין רוהיגען, אונגעלומפּערטען גאַנג.

בעקוקענדיג זיין פרוי און ווראנסקין, איז ער צוגעגאַנגען צו דער ווירטהין און זעצענדיג זיך ביי א טאָס טהעע, האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען מיט זיין ניט געאיילטער, אימער הערבארער שטימע, מיט זיין געוועהנליכען שפּאַסהאַפטען טאָן, רייצענדיג זיך מיט עמיצען עפּעס.

— אייער ראַמבוליע איז אין פולען קאָמפּלעקט — האָט ער געזאָגט, בע־קוקענדיג דיא גאַנצע געזעלשאַפט: — דיא גראַציעז און דיא מוזען.

אָבער פירסטין בעטסי האָט קיין מאָהל ניט ליעב געהאַט דעם דאָזיגען טאָן זיינעם — „סנירינג" האָט זיא דאָס אָנגערופען, און, וויא א קלוגע ווירטהין האָט זיא איהם גלייך ארויפגעפיהרט אויף אַן ערענסטען געשפּרעך וועגען אַלגע־מיינע מיליטער־פּפליכט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז באַלד אריינגעצויגען געוואָרען אין געשפּרעך און האָט שוין אָנגעהויבען ערענסט פארטהיידיגען דעם נייעם רעגיערונגס־באַפעהל, וועלכען פירסטין בעטסי האָט אָנגעגריפען.

ווראנסקי און אננא האָבען נאָך אַלץ פאַרטגעזעצט זיצען ביי'ם קליינעם טישעל.

— דאָס ווערט דאָך אונאַנשטענדיג — האָט א שעפּצע געטאָהן איין דא־מע, אָנווייזענדיג מיט דיא אויגען אויף קארעענינא, ווראָנסקי און איהר מאַן.

— וואָס, איך האָב אייך געזאָגט — האָט געענטפערט אננא'ס פריינדין.

אָבער ניט בלויז דיא דאָזיגע דאַמען, כמעט אַלע וואָס זיינען דאָ געווען, אפילו פירסטין מיאכקאיא און בעטסי אַליין האָבען עטליכע מאָהל געקוקט אויף דיא צוויי וואָס האָבען זיך דערווייטערט פון דעם אַלגעמיינעם קרייז, אַזוי וויא דאָס וואָלט זיי געשטערט. בלויז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט קיין איין מאָהל ניט א קוק געטאָהן אין יענער זייט און האָט זיך ניט אָבגעצויגען פון דעם אנגעהויבענעם, אינטערעסאַנטען געשפּרעך.

באַמערקענדיג דעם אונאַנגענעהמען איינדרוק, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף אַלעמען האָט פירסטין בעטסי צוגערוקט אויף איהר פּלאַטץ אַן אנדער פּער־זאָן, וועלכער זאָל זיך צוהערען צו אַלעקסאַנדראָוויטשעס רייד און איז אַליין צוגעגאַנגען צו אננא.

— איך בעוואונדער אימער דיא קלאָהרקייט און דיא פּינקטליכקייט פון אייער מאַנס אויסדריקע — האָט זיא געזאָגט — דיא סאַמע טראַנסצענדענטאַלע בעגריפע ווערן פאַר מיר צוגענגליך ווען ער רעדט.

— אָ, יא ! — האָט געזאָגט אננא, שיינענדיג מיט דעם שמייכעל פון גליק און ניט פאַרשטעהענדיג קיין איין וואָרט, וואָס בעטסי האָט איהר געזאָגט. זיא איז איבערגעגאַנגען צום גרויסען טיש און האָט גענומען אַנטהייל אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך.

זיצענדיג ביי א האַלבע שטונדע איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש צוגע־גאַנגען צו זיין פרוי און האָט איהר פאָרגעשלאָגען צו פאָהרען אהיים צוזאַמען ;

אָבער זיא, ניט קוקענדיג אויף איהם, האָט געענטפערט, אז זיא וועט בלייבען צו אבענד־ברויט. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך אָבגעזעגענט און איז אוועק.

דער אלטער, דיקער טאטאר, קארענינס קוטשער, האָט קוים איינגעהאַל־טען דעם פערפראָרענעם פערד אויף דער לינקער זייט געשפאַן, וועלכער האָט זיך געהויבען אין דער הויך ביי'ם צופאָהר, דער לאקיי איז געשטאנען, עפענענדיג דיא טיהרעל פון קארעטע. דער שווייצאר איז געשטאנען און האָט געהאלטען אָפען דיא דרויסען־טיהר. אננא ארקאדיעוונא האָט אָבגעשפּילעט מיט דער קליינער, שנעלער האַנד דיא שפּיצען פון דיא ארבעל פון דעם העקעל פון פוטער־מאַנטעל און, אָנבויגענדיג דעם קאָפּ, האָט זיא מיט ענטציקונג געהערט, וואָס צו איהר האָט גערעדט װראנסקי, וועלכער האָט זיא בעגלייט.

—איהר האָט, מאָלט איין, קיין זאך ניט געזאָגט; און איך פאָדער פון אייך קיין זאך ניט — האָט ער גערעדט — אָבער איהר ווייסט, אז ניט פריינד־שאפט איז נויטיג, פאר מיר איז מעגליך נור איין גליק אין לעבען; דאָס איז יענעס וואָרט, וועלכען איהר האָט אזוי ניט ליעב... יא, ליעבע...

— ליעבע... — האָט זיא ווידערהאָלט לאנגזאם, מיט אן אינוויינינגסטע שטימע און פּלוצלונג, אין דערזעלבער צייט, וואָס זיא האָט אָבגעשפּילעט דיא שפּיצען, האָט זיא צוגעלייגט: — איך האָב ניט ליעב דעם וואָרט דערפאר, וואָס עס האָט פאר מיר צופיעל בעדייטונג, פיעל מעהר, איידער איהר קאָנט פארשטעהן — און זיא האָט א קוק געטאָהן איהם אין געזיכט — אויף ווידערזעהען!

זיא האָט איהם דערלאנגט דיא האַנד און מיט שנעלע טריט איז זיא פער־בייגעגאנגען פערביי דעם שווייצאר און איז פערשוואונדען אין קארעטע.

איהר בליק, דיא בעריהרונג פון איהר האנד האָבען איהם געבריהט. ער האָט א קוש געטאָהן זיין האנד אויף דעם פּלאַץ, וואו זיא האָט איהר בעריהרט און ער איז אוועקגעפאָהרען אהיים א גליקליכער, מיט דעם בעוואוסטזיין, אז אין דעם דאָזיגען אבענד איז ער נעהנטער געוואָרען צו דער ערריייכונג פון זיין צוועק מעהר אלס אין דיא לעצטע צוויי מאָנאט.

8.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט ניט געפונען קיין בעזונדערעס און אונ־אנשטענדיגעס דעריין, וואָס זיין פרוי איז געזעסען מיט וראָנסקי ביי א בעזונדער טיש און האָבען וועגען עפּעס לעבעדיג געשמועסט; ער האָט אָבער באמערקט, אז פאר דיא אנדערע אין זאל האָט דאָס אויסגעוויזען זיך אלס עפּעס בעזונדערעס און ניט אנשטענדיגעס, און דארום האָט זיך דאָס איהם אויך געדוכט אלס ניט אנשטענדיג. ער האָט בעשלאָסען, אז מען דארף וועגען דעם זאָגען דער פרוי.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים איז אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש אריבער צו זיך אין קאבינעט, וויא ער פּלעגט דאָס טאָהן געוועהנליך, האָט זיך געזעצט אין פוטעל, עפענענדיג מיט דעם אויפשניידס־מעסער דעם פּלאַץ אין בוך וועגען פּאפּסטטוּוּ, און האָט געלעזען ביז איינס, וויא ער פּלעגט טאָהן גע־וועהנליך; נור ווען ניט ווען האָט ער א ריב געטאָהן זיין הויכען שטערען און א טרויסעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ, וויא אביאָגענדיג עפּעס.

אין דער געוועהנטער שטונדע איז ער אויפגעשטאנען און האָט אָנגעטאָהן

זיין נעכטליכען אנצוג, מאַכענדיג זיך פאַרטיג צום שלאָפען. אננא ארקאַדיעוונא איז נאָך ניט געווען. מיט דעם בוך אונטערן פאַכווע איז ער ארויף אויבען, אָבער אין דעם היינטיגען אַבענד, אנשטאָט געוועהנליכע געדאַנקען און בעטראַכטונגען וועגען אנגעלעגענהייטען פון זיין אמט, זיינען זיינע געדאַנקען געווען פול מיט דער פרוי און מיט עפּעס אונאַנגענעהמעס, וואָס האָט מיט איהר געטראָפען. ער האָט, געגען זיין געוועהנהייט, ניט געלייגט זיך אין בעט, נור פערלייגענדיג דיא געשלאָסענע הענד הינטערן רוקען, האָט ער זיך גענומען געהן הין און צוריק איבער דיא צימערען. ער האָט זיך ניט געקאָנט לייגען, פיהלענדיג, אז ער דאַרף פריהער אונבעדינגט בעדיינקען דעם נייעם אומשטאַנד.

ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ביי זיך אַליין בעשלאָסען אַז מען דאַרף איבעררייִדען מיט דער פרוי, האָט זיך איהם דאָס אויסגעוויזען זעהר לייכט און איינפאַך; אָבער איצט, ווען ער האָט אָנגעהויבען בעטראַכטען דעם נייענטשטאַנענעם אומשטאַנד, האָט דאָס זיך פאַר איהם ארויסגעשטעלט אַלס זעהר קאָמפּליצירט און שווער.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען ניט אייפערזיכטיג. אייפערזוכט לויט זיין איבערצייגונג איז אַ בעליידיגונג פאַר דער פרוי, און צו דער פרוי דאַרף מען האָבען פערטרויען, ד. ה. פאָלשטענדיג זיכער זיין דעריין, אַז זיין יונגע פרוי וועט איהם אימער ליעבען. פאַר וואָס מען דאַרף האָבען אַזאַ פערטרויען? דאָס האָט ער זיך קיין מאָל ניט געפרעגט; נור ער האָט ניט געפיהלט קיין אונפערטרויליכקייט. איצט אָבער, הגם זיין איבערצייגונג, אַז אייפערזוכט איז אַ שענדליך געפיהל, איז ניט צושטערט געוואָרען, האָט ער דאָך געפיהלט, אַז ער שטעהט פּנים אל פּנים מיט עפּעס אונלאָגישעס און אונזיניגעס, און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס איז צו טאָהן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט דעם לעבען, מיט דער מעגליכקייט, אַז זיין פרוי זאָל פיהלען ליעבע צו וועמען, אויסער איהם, און דאָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַלס אונזינינג און אונפערשטענדליך, דערפאַר ווייל דאָס איז געווען דאָס לעבען גופא. זיין גאַנצען לעבען האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געאַרבייט אין אַמטליכע ספערען, וואָס האָט געהאַט צו טאָהן מיט דער אבשפּיעגלונג פון לעבען. און יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסען אויף דעם לעבען גופא, האָט ער זיך אָבגערוקט. איצט האָט ער געפיהלט, וויא אַ מענש וועלכער איז רוהיג אַריבער דעם בריק איבער אַן אבגרונד און פּלוצלונג דערזעהענדיג, אַז דער בריק איז צונומען און דאָרט איז אַ תהום. דער דאָזיגער תהום איז געווען דאָס לעבען גופא, דער בריק איז געווען יענער קינסטליכער לעבען, וועלכען עס האָט דורכגעלעבט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. איהם זיינען צום ערשטען מאָל אויפגעקומען פראַגען וועגען דער מעגליכקייט פאַר זיין פרוי צו ליעבען עמיצען און ער האָט זיך געשראָקען דערפאַר.

ניט אויסטאָהנדיג זיך איז ער אַרומגעגאַנגען מיט גלייכע טריט הין און צוריק איבער דעם הילכיגען פאַרקעט, וואָס איז געווען בעלויכטען מיט איין טישלאָמפּ, איבער דעם טעפּיך פון דעם פינסטערן גאַסט־צימער, אין וועלכען דאָס ליכט האָט אָבגעשיינט בלויז אויף דעם גרויסען, ניט לאַנג געמאַכטען פאָרטרעט

זיינעם, וואָס איז געהאַנגען איבער'ן דיוואַן, און דורך איהר קאַבינעט, וואו עס האָבען געברענט צוויי ליכט, בעלייכטענדיג דעם פּאָרטרעט פון איהרע פערוואַנדטע און פריינדינען און דיא שעהנע שרייב טיש זאַכען, וועלכע זיינען איהם שוין פון לאַנג אַזוי גוט בעקאַנט אויף איהר שרייב־טיש. דורך איהר צימער איז ער דורכגעגאַנגען ביז דער טיהר פון שלאָף־צימער און האָט זיך ווידער צוריקגעקעהרט.

אויף יעדער שטרעקע פון זיין שפּאַציר־גאַנג, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און זיך געזאָגט: „יא, עס איז נויטווענדיג בעשליסען און אבשניידען, ארויסזאָגען וויא עס איז צו קוקען דערויף און דעם ענטשלוס“, און ער האָט זיך א קעהר געטאָהן צוריק: „אָבער ארויסזאָגען וואָס? וועלכען ענטשלוס?“ און ער האָט ניט געפונען קיין ענטפער. „און ענדליך — האָט ער זיך אליין געפרעגט — וואָס האָט פּאַסירט? גאָרנישט. זיא האָט לאַנג גערעדט מיט איהם. נו, איז וואָס? מאַלע וואָס א פרוי אין געזעלשאַפט קאָן מיט עמיצען ריידען? און אייפערזיכטיג זיין גייסט ערניעדריגען זיא און זיך“. און ער האָט פון טיהר פון שלאָף־צימער א קעהר געטאָהן זיך ווידער צום זאַל; אָבער וויא נור ער איז אריין צוריק אין דעם פינסטערען גאַסט־צימער, האָט איהם עפּעס א שטימע געזאָגט, אז עס איז ניט אַזוי, און אז אויב אַנדערע האָבען דאָס באַמערקט, איז א סימן, אז עס איז עפּעס יא פאַראַן. און ער האָט אין עסס־צימער זיך ווידער געזאָגט: „יא, דאָס מוז ענטשיעדען ווערען און אָבגעשניטען, ארויסזאָגען דעם אייגענעם בליק דערויף“. און ווידער אין זאַל איידער ער האָט זיך א קעהר געטאָהן אויף צוריק, האָט ער זיך א פרעג געטאָהן: וויא בעשליסט מען? און האָט דערנאָך זיך געפרעגט: וואָס האָט אייגענטליך פּאַסירט? און האָט געענטפערט: קיין זאַך, ניט, און האָט זיך דערמאָנט וועגען דעם, אז אייפערזוכט איז א געפיהל וואָס ערניעדריגט דיא פרוי; אָבער אין צווייטען צימער האָט ער זיך שוין ווידער איבערצייגט, אז עפּעס האָט פּאַסירט. זיינע געדאַנקען וויא זיין קערפּער האָבען דורכגעמאַכט א גאַנצען קרייז, ניט ארויפפאַלענדיג אויף קיין עפּעס נייעס. ער האָט דאָס באַמערקט, האָט אריב געטאָהן דעם שטערן און האָט זיך געזעצט אין איהר קאַבינעט.

און דאָ, קוקענדיג אויף איהר טיש און אויף דעם אָנגעהויבענעם צעטעל וואָס איז געלעגען, האָבען זיך זיינע געדאַנקען פּלוצלונג געענדערט. ער האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען איהר, וועגען וואָס זיא טראַכט און וואָס זיא פיהלט. ער האָט צום ערשטען מאָל זיך פאָרגעשטעלט איהר פּערזענליכען לעבען, איהרע געדאַנקען, איהרע פערלאַנגען, און דער געדאַנק, אז ביי איהר קען זיין און דאַרף זיין איהר בעזונדער לעבען, האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַלס אַזוי שרעקליך, אז ער האָט זיך געאיילט אָבצוטרייבען איהם. איבערצוטראָגען זיך מיט דיא געדאַנקען און געפיהלען אין אַן אַנדער פּערזאָן איז געווען אַזאַ גייסטיגע טהאַט, וואָס איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען געווען פרעמד. ער האָט גערעכענט אַזאַ גייסטיגע אַרבייט פאַר שעדליך און פאַר געפעהרליכע פאַנטאַסטעריי.

„און שרעקליכער פון אַלעס איז דאָס — האָט ער געטראַכט — וואָס איצט נעמליך ווען מיין אַנגעלעגענהייט קומט צו ענדע (ער האָט געטראַכט וועגען דעם פּראָיעקט, וועלכען ער האָט איצט דורכגעפיהרט), ווען איך דאַרף האָבען אַזוי

## אננא קארעני נא

פיעל רוה, אזוי פיעל גייסטיגע קראפט — אַט איצט פאַלט דאָס אויף מיר ארויף אזא אונזיננינגע אונרוהיגקייט. אָבער וואָס קאָן מען מאַכען? איך בין ניט פון דיא מענשען, וואָס טראָגען אריבער אונרוהיגקייט און אנגסט און האָבען קיין קרעפטען ניט א קוק טאָהן זיי אין פּנים אריין".

— איך מוז בעטראַכטען, בעשליסען און אָבוואַרפען — האָט ער געזאָגט אין דער הויך.

„דיא פראגען וועגען איהרע געפיהלען, וועגען דעם וואָס עס קומט פאָר און קאָן פאָרקומען אין איהר זעעלע, דאָס איז ניט מיין זאַך, דאָס איז א זאַך פון איהר געוויסען און בעלאנגט צו רעליגיאָן" — האָט ער זיך געזאָגט, פיהלענדיג לייכטער פון דעם בעוואוסטזיין, אז ער האָט געפונען יענע אבטהיילונג פון גע־זעצגעבונג, וואוהין עס געהערט דער ענטשטאַנענער אומשטאַנד.

„און אזוי — האָט זיך געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — זיינען דיא פראגען פון איהרע געפיהלען און אזוי ווייטער אלץ פראגען פון איהר געוויסען. וואָס האָט מיט מיר ניט צו מאַהן. מיין פּפליכט לאָזט זיך קלאָהר בעשטימען. אלס הויפּט פון דער פאַמיליע, בין איך דיא פּערזאָן, וואָס דאַרף זיין איהר וועג־ווייזער, און דארום אייניגערמאַסען דיא פעראנטוואָרטליכע פּערזאָן; איך דאַרף אָנווייזען אויף דער געפאַהר, וועלכע איך זעה, מתרה זיין און אפילו מאַכט גע־ברויכען. איך מוז עס איהר ארויסזאָגען."

און אין אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשעס קאָפּ האָט זיך קלאָהר איינגע־לייגט אלעס וואָס ער האָט איהר צו זאָגען. בעטראַכטענדיג וואָס ער וועט זאָ־גען, האָט איהם פערדראָסען וואָס ער דאַרף פערברויכען זיין צייט און דעם כח פון זיין שכל אויף היימישע זאַכען. אָבער ניט קוקענדיג דערויף, האָט זיך אין זיין קאָפּ קלאָהר און פּינקטליך, וויא א רעפּאָרט, צונויפגעשטעלט דיא פאָרמע און דיא לאָגיקע פון דער בעפאָרשטעהענדער רעדע.

„איך מוז זאָגען און ארויסזאָגען פאָלגענדעס: ערשטענס, אַ ערקלעהרונג וועגען דער בעדייטונג פון עפענטליכער מיינונג און אנשטענדיגקייט; צווייטענס, א רעליגיעזע ערקלעהרונג וועגען דער בעדייטונג פון היירא͏טה; דריטענס, אויב נויטיג, אָנצייגען אויף דעם אונגליק וואָס קאָן דערפון ארויסקומען פאַר'ן זוהן; פערטענס, אָנצייגען אויף איהר אייגענעם אונגליק". און פאַרלייגענדיג דיא הענד פינגער צווישען פינגער, האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש זיי א ציה געטאָהן, און דיא קנעכלעך פון דיא פינגער האָבען א קנאַק געטאָהן. דיא דאָזיגע בעווע־גונג, א שלעכטע געוועהנהייט — צונויפלייגען דיא הענד און קנאַקען דיא פינגער — האָט איהם אימער בערוהיגט און געבראַכט איהם אין אָרדנונג, וואָס עס איז איצט פאַר איהם געוועזען אזוי נויטיג. ביים צופאָהר האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון א צוגעפאָהרענער קארעטע. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך אָב־געשטעלט אין מיטען זאַל.

אויף דיא טרעפּ זיינען ארויפגעגאַנגען פרויליכע טריט; אלעקסיי אלעק־סאנדראָוויטש א פאַרטיגער מיט זיין רעדע, איז געשטאַנען דריקענדיג דיא הענד מיט דיא איבערגעקרייצטע פינגער און וואַרטענדיג צו וועט ניט א קנאַק טאָהן וואו. איין קנעכעל האָט א קנאַק געטאָהן. שוין פון דעם קלאַנג אליין פון דיא

לייכטע טריט אויף דיא טרעפּ האָט ער דערפיהלט, אַז זיא איז נאָהענט, און אַבוואָהל ער איז געווען צופריעדען פון זיין אַנגעגרייטע רעדע, איז איהם געוואָרען שרעקליך פאַר דער פאָרשטעהענדער ערקלערונג.

9.

אננא איז געגאַנגען מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און שפּיעלענדיג מיט דיא פרענזלעך פון איהר באַשליק. איהר פּנים האָט געשיינט מיט עכטען גלאַנץ; אָבער דער גלאַנץ איז געווען ניט קיין פרעהליכער; ער האָט דערמאָהנט אויף דעם שרעקליכען גלאַנץ פון אַ שׂרפה אין דער פינסטערקייט פון נאַכט. דערזעהענדיג דעם מאַן, האָט אננא אויפגעהויבען דעם קאָפּ און, וויא זיא וואָלט זיך אויפגעכאַפּען פון שלאָף, האָט אַ שמייכעל געטאָהן.

— דוא ביסט נאָך ניט אין בעט? דאָס איז אַ וואונדער? — האָט זיא געזאָגט, האָט אַראָבגעוואָרפען דעם באַשליק און, ניט אָבשטעלענדיג זיך, איז זיא אַוועק ווייטער, אין באַדע־צימער — שוין צייט, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש — האָט זיא געזאָגט פון יענע זייט טיהר.

— אננא, איך דאַרף מיט דיר דורכריידען זיך.

— מיט מיר? — האָט זיא געזאָגט פערוואונדערט, איז ארויס פון טיהר און האָט אַ קוק געטאָהן אויף איהם. — וואָס־זשע איז עס? וועגען וואָס? — האָט זיא געפרעגט זעצענדיג זיך — נו, לאָמיר ריידען, אויב עס איז אַזוי נויטיג. עס וואָלט אָבער בעסער געווען שלאָפען.

אננא האָט גערעדט וואָס עס איז איהר ארויף אויף דער צונג, און האָט זיך אַליין געוואונדערט פון איהר פעהיגקייט צו פאַלשקייט. וויא איינפאַך און נאַטירליך זיינען געווען איהרע ווערטער און וויא עהנליך האָט דאָס אויסגעזעהען וויא זיא וואָלט געוועלט שלאָפען! זיא האָט זיך געפיהלט פערפאַנצערט אין אַ פאַנצער פון ליגען, וואָס קאָן ניט דורכגעדרונגען ווערן. זיא האָט געפיהלט, אַז עפּעס אַן אונגעזעהענע קראַפט האָט איהר געהאָלפען און האָט זיא געשטיצט.

— אננא, איך מוז דיך מתרה זיין — האָט ער געזאָגט.

— מתרה זיין? — האָט זיא געזאָגט — אין וואָס?

זיא האָט געקוקט אַזוי איינפאַך, אַזוי מונטער, אַז דער וואָס האָט זיא ניט געקענט, וויא עס האָט זיא געקענט דער מאַן, וואָלט ניט געקענט באַמערקען קיין אוננאַטירליכעס ניט אין קלאַנג פון איהר שטימע, ניט אין דעם זינען פון איהרע ווערטער. אָבער פאַר איהם, וועלכער האָט זיא געקענט און האָט געוואוסט, אַז ווען ער לייגט זיך מיט פינף מינוט שפּעטער באַמערקט זיא אימער און פרעגט זיך נאָך וועגען דער אורזאַכע; פאַר איהם, וועלכער האָט געוואוסט, אַז אַלע איהרע פריידען און ליידען דערצעהלט זיא איהם גלייך — פאַר איהם האָט זעהר פיעל בעדייטעט, ווען ער האָט געזעהען, אַז זיא האָט ניט געוואָלט באַמערקען זיין

צושטאנד, אז זיא האט קיין ווארט ניט געוואָלט זאָגען וועגען זיך. ער האט געזעהען, אז דיא טיעפקייט פון איהר נשמה, וואס איז פריהער אימער געווען אפען פאר איהם, איז איצט געווען פערמאכט פאר איהם. נאך ווייניג דאס; ער האט געזעהען פון איהר טאָן, אז זיא איז גאר דערפון ניט געווען אין קיין פערלעגענ־הייט, און אזוי וויא זיא וואָלט איהם גלייך זאָגען: יא, פערמאכט, און דאס דארף אזוי און וועט אזוי זיין ווייטער. איצט האט ער געפיהלט, וויא איינער וואס האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים און האט געפונען דאס הויז פערשלאסען. „אבער עס קאן זיין, אז דער שליסעל וועט זיך נאך געפינען" — האט געטראכט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

— איך וויל דיך מתרה זיין — האט ער געזאגט מיט א שטילער שטימע, — אז דורך אונפארזיכטיגקייט און לייכטזינניגקייט קאנסט דוא אין געזעלשאפט גע־בען א געלעגענהייט מען זאל וועגען דיר ריידען. דיין צו לעבעדיגער געשפרעך היינט מיט גראף ווראנסקי (ער האט פעסט און מיט א רוהיגער אויסשפראך ארויסגערעדט דעם נאמען) האט אויף זיך געצויגען אויפמערקזאמקייט.

ער האט גערעדט און האט געקוקט אויף איהרע לאכעדיגע אויגען, וועלכע זיינען פאר איהם איצט געווען שרעקליך פאר זייער אונדורכדרינגבארקייט, און ריידענדיג האט ער געפיהלט דיא גאנצע אונניצליכקייט און אומזיסטקייט פון זיינע ווערטער.

— דוא ביסט אלע מאל אזוי — האט זיא געענטפערט וויא זיא וואָלט איהם גארניט פערשטעהן און פון אלעס וואס ער האט געזאגט האט זיא אבזיכט־ליך פערשטאנען בלויז דאס לעצטע — דאס איז דיר אונאנגענעהם וואס איך בין אומעטיג, און דאס איז דיר אונאנגענעהם וואס איך בין פרעהלאך. מיר איז ניט אומעטיג געווען. בעליידיגט דאס דיך?

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האט א ציטער געטאהן און האט פערבייגט דיא הענד אום א קנאק צו טאהן זיי.

— אך, איך בעט דיך, קנאק ניט, איך האב דאס אזוי ניט ליעב — האט זיא געזאגט.

— אננא, ביסט דוא דאס דען? — האט געזאגט אלעקסיי אלעקסאנדרא־וויטש שטיל, מאכענדיג אויף זיך אן אנשטרייגונג און איינהאלטענדיג דיא בע־וועגונג פון זיינע הענד.

— אבער וואס איז דען דא אזוינס? — האט זיא געזאגט מיט אזא אויפ־ריכטיגער און קאמישער פערוואונדערונג — וואס ווילסט דוא פון מיר האבען?

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האט געשוויגען און האט א ריב געטאהן מיט'ן האנד דעם שטערען און דיא אויגען. ער האט דערזעהען, אז אנשטאט דאס וואס ער האט געוואָלט טאהן, ד. ה. ווארנען זיין פרוי פון צו בעגעהן א פעהלער אין דיא אויגען פון דער געזעלשאפט, איז ער אונווילליג געווען אויפגערעגט פון דעם, וואס איז געווען שייך צו איהר געוויסען און ער האט זיך געראנגעלט מיט עפעס א וואנד, וואס איז געווען אין זיין פארשטעלונג.

— איך האב אט וואס געוואָלט זאגען — האט ער פארטגעזעצט קאלט און רוהיג — און איך וועל דיך בעטען אויסהערען מיך. איך אנערקען, וויא דוא

ווייסט, אייפערזוכט אלס א בעליידיגענדעס געפיהל און אן ערנידריגענדעס און איך וועל זיך קיין מאל ניט ערלויבען זיין געלייטעט פון דעם דאזיגען געפיהל; עס זיינען אָבער פאראן בעשטימטע געזעצע פון אנשטאנד, וועלכע מען קאן ניט איבערטרעטען אונבעשטראפט. היינט האב איך ניט באמערקט, אָבער אורטהייי־לענדיג פון דעם איינדרוק, וועלכען דאס האט געמאכט אין דער געזעלשאפט, האָ־בען אלע באמערקט, אז דוא האסט זיך געהאלטען און זיך אויפגעפיהרט ניט גאר אזוי, וויא מען וואלט געקאָנט פערלאנגען.

— איך פערשטעה אבסאָלוט גאר נישט — האט אננא געזאגט קוועטשענ־דיג מיט דיא שולטערן. „איהם איז דאס אלץ איינס — האט זיא א טראכט גע־טאָהן — נור אין דער געזעלשאפט האט מען באמערקט און דאס בעאונרוהיגט איהם" — דוא ביסט קראנק, אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — האט זיא געזאגט אויפשטעהענדיג און האט געוואלט געהן אין טיהר; ער האט זיך אָבער א רוק גע־טאָהן פאראויס, וויא ער וואלט וועלען אָבשטעלען זיא.

זיין פנים איז געוועזן ניט שעהן און טרויעריג, וויא אננא האט איהם נאך קיין מאל אזא ניט געזעהען. זיא האט זיך אָבגעשטעלט און אָנבויגענדיג דעם קאפ אויף צוריק אָן א זייט, האט זיא אָנגעהויבען מיט איהר שנעלע הענד ארויסנעהמען דיא האאר־נאדלען.

— נון, איך הער, וואס וועט זיין — האט זיא ארויסגערעדט רוהיג און שפאסהאפט — איך הער זאָגאר מיט אינטערעס, ווארום איך וואלט וועלען פער־שטעהן אום וואס האנדעלט זיך.

זיא האט גערעדט און האט זיך געוואונדערט פון דעם נאטירליך־רוהיגען טאָן, מיט וועלכען זיא האט גערעדט, און פון דעם אויסוואהל פון ווערטער, וועלכע זיא האט געברויכט.

— אריינגעהן אין אלע איינצעלהייטען פון דיינע געפיהלען האב איך קיין רעכט ניט און האלט דאס אין אלגעמיין פאר אונניצליך און זאגאר שעדליך — האט אָנגעהויבען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — גראָבענדיג זיך אין אונזער נשמה, גראָבען מיר אָפט אויס עפעס אזעלכעס וואס וואלט דארט געלעגען אונ־בעמערקט. דיינע געפיהלען, דאס איז א זאך פון דיין אייגענעם געוויסען; אָבער איך בין פערפליכטעט פאר דיר, פאר זיך און פאר גאָט אָנצואווייזען דיר דיינע פפליכטען. אונזער לעבען איי פערבונדען ניט דורך מענשען נור דורך גאָט. צו־רייסען דעם דאזיגען בונד קאן נור פארברעכען, און פארברעכען פון דעם מין שלעפט נאך זיך שטראָף.

— איך פארשטעה קיין זאך ניט. אך, מיין גאָט, און וויא ווילט זיך מיר צו דיא צרות גראד שלאָפען! — האט זיא געזאגט, שנעל איבערקלייבענדיג מיט דיא הענד דיא האאר און זוכענדיג דיא פערבליבענע האאר־נאָדלען.

— אננא, אום גאָטעס ווילען רייד ניט אזוי — האט ער געזאָגט ווייך — עס קאָן זיין, אז איך מאך א טעות, אָבער גלויב, אז דאָס, וואס איך רייד איז פונקט אזוי פיעל פאר זיך וויפיעל פאר דיר. איך בין דיין מאן און איך ליעב דיך.

אויף אן אויגענבליק האט זיך איהר פנים ארונטערגעלאָזען און עס איז פערלאָשען געוואָרען דער שפאסהאפטער שמייכעל אין בליק; אָבער דאס וואָרט

ליעבע האָט זיא ווידער עמפּעהרט. זיא האָט אַ טראַכט געטאָהן: „ער ליעבט? קאָן ער דען ליעבען? ווען ער וואָלט ניט הערען, אַז עס פּאַסירט ליעבע, וואָלט ער קיין מאָהל אַזאַ וואָרט ניט געברויכט. ער וויים גאָר ניט וואָס איז דאָס אַזוינס ליעבע.“

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, ווירקליך, איך פערשטעה ניט — האָט זיא געזאָגט — בעשטים, וואָס געפינסט דוא....

— ערלויב, לאָז מיך ריידען. איך ליעב דיך. אָבער איך רייד דאָ ניט וועגען זיך; דיא הויפּט פּערזאָנען זיינען דאָ — אונזער זוהן און דוא אַליין. עס קאָן זעהר זיין, ווידערהאָל איך, אַז דיר וועלען זיך ווייזען גאַנץ אומזיסט און ניט אַם פּלאַץ מיינע ווערטער. עס קאָן זיין, אַז איך מאַך אַ טעות. אויב אַזוי בעט איך דיך דוא זאָלסט מיר פערצייהען. אָבער אויב דוא פיהלסט אַליין, אַז עס איז פאַראַן אַ מינדעסטער גרונד, בעט איך דיך אַ טראַכט טאָהן, און אויב דיין האַרץ הייסט דיר, רייד זיך אויס פאַר מיר...

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט, אַליין גאָר ניט מערקענדיג, ניט גערעדט דאָס, וואָס ער האָט פּערפּערטיגט צו ריידען.

— איך האָב ניט וואָס צו ריידען. און דערצו... — האָט זיא שנעל אַ זאָג געטאָהן קוים צוריקהאַלטענדיג דעם שמייכעל — ווירקליך, עס איז צייט צו שלאָפען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ זיפץ געטאָהן און, ניט זאָגענדיג מעהר קיין וואָרט, איז ער אַוועק אין שלאָף־צימער.

ווען זיא איז אריין אין שלאָף־צימער, איז ער שוין געלעגען. זיינע ליפּען זיינען געווען שטרענג פערדריקט, און דיא אויגען האָבען אויף איהר ניט געקוקט. אננאַ האָט זיך געלייגט אויף איהר בעט און האָט געוואַרט יערע מינוט, אַז ער וועט ווידער מיט איהר אָנהייבען ריידען. זיא האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט ער ווידער ריידען און האָט דאָס דאָך אַליין געוואָלט. אָבער ער האָט געשוויגען. זיא האָט לאַנג געוואַרט אונבעוועגליך און האָט שוין פאַרגעסען וועגען איהם. זיא האָט געטראַכט וועגען אַן אַנדערען, זיא האָט איהם געזעהען און האָט געפיהלט, וויא ביי דעם דאָזיגען געדאַנק פּיללט זיך אָן איהר האַרץ מיט אונרוה און פערברעכערישע פריידע. פּלוצלונג האָט זיא דערהערט אַ גלייכען און רוהיגען נאָזליכען פּייף. אין דער ערשטער מינוט האָט זיך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַליין וויא ערשראָקען פאַר זיין פּייף און האָט זיך אָבגעשטעלט; אָבער איבערוואַרטענדיג צוויי אַטהעם־ציגע, האָט דאָס פּייפען ווידער דערהערט זיך מיט אַ נייער רוהיגער גלייכקייט.

— שוין שפּעט, שפּעט — האָט זיא געמורמעלט מיט אַ שמייכעל. זיא איז לאַנג געלעגען אונבעוועגליך מיט אָפענע אויגען, דעם גלאַנץ פון וועלכען איהר האָט זיך געדוכט אַז זיא זעהט אַליין אין דער פינסטערנעס.

## 10.

פון דער צייט אָן האָט זיך אָנגעהויבען א נייעס לעבען פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און פאַר זיין פרוי. קיין בעזונדערעס האָט ניט פּאַסירט. אננאַ איז וויא אימער אויסגעפאָהרען אין געזעלשאַפט, בעזונדער אָפט פלעגט זיא בעזוכען פירסטין בעטסי און האָט זיך אומעטום בעגעגענט מיט ווראָנסקין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דאָס געזעהען, האָט אָבער קיין זאַך ניט געקאָנט טאָהן. וויפיעל ער האָט ניט פּרובירט ארויסצורופען זיא פיר אן ערקלעהרונג האָט זיא געגען איהם אויפגעשטעלט עפּעס א מין אונדורכדרינגליכע וואַנד פון א מין פרעהליכען ניט-פאַרשטעהן. אויסערליכע איז אַלעס געבליבען וויא געווען, אָבער זייערע אינערליכע בעציהונגען האָבען זיך אין גאַנצען געענדערט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַזאַ מעכטיגער מענש אין רעגיערונגס־טהעטיגקייט, האָט זיך דאָ געפיהלט אונמעכטיג. וויא אַן אָקס, אונטערטעניג אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, האָט ער געוואַרט אויף דעם אָבוך פון האַק, וועלכער איז געווען אויפגעהויבען איבער איהם, וויא ער האָט געפיהלט.

יעדען מאָל, ווען ער האָט אָנגעהויבען דיינקען וועגען דעם, האָט ער גע־פיהלט, אַז מען דאַרף פּרובירען נאָך אַמאָל, אַז מיט גוטען, מיט צערטליכקייט און איבערצייגונג איז נאָך פאַראַן א מעגליכקייט צו ראַטעווען זיא, צווינגען זיא נאָכ־צודיינקען, און ער האָט זיך יעדען טאָג צוגעקליבען צו רייךען מיט איהר. אָבער יעדען מאָל, וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען מיט איהר האָט ער געפיהלט, אַז יענער גייסט פון פאַלשקייט און נאַרעריי, וואָס האָט איהר באַהערשט, האָט אויך איהם באַהערשט און ער האָט גערעדט מיט איהר גאָר ניט דאָס און גאָר ניט מיט יענעם טאָן וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט מיט איהר ניט וועלענדיג גע־רעדט מיט דעם געוועהנליכען טאָן פון אָבשפּאַסען פון יענעם, וועלכער וואָלט אַזוי גערעדט. און אין אַזאַ טאָן האָט מען ניט געקאָנט זאָגען דאָס, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט צו זאָגען איהר.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

## 11.

דאָס, וואָס איז כמעט א גאַנץ יאָהר פאַר ווראָנסקין געווען דער אויס־שליסליכער, איינציגער וואונש פון זיין לעבען, דאָס וואָס האָט איהם פערביטען אַלע פריהעריגע פערלאַנגען; דאָס, וואָס פאַר אננאַ'ן איז געווען אונמעגליך, שרעקליך און דאַרום ערשט אַלס א צויבערליכער טרוים פון גליק — דער דאָזיגער וואונש איז געשעהען. א בלייכער, דיא אונטערשטע טהייל פון זיין געזיכט ציי־

טערענדיג, איז ער געשטאנען אָנגעבויגט איבער איהר און געבעטען בערוהיגען זיך, אליין ניט וויסענדיג אין וואָס און מיט וואָס.

— אננא! אננא! — האָט ער גערעדט מיט א ציטערענדער שטימע — אננא, אום גאָטעס ווילען!...

אָבער וואָס העכער ער האָט גערעדט, אלץ נידריגער האָט זיא ארונטער־געלאָזען איהר אמאָליגען שטאָלצען, לוסטיגען און איצט פארשעהמטען קאָפּ, און זיא האָט זיך אין גאנצען צונויפגעדרעהט און איז געפאלען פון דיוואן, אויף וועל־כען זיא איז געזעסען, אויף דיא דילען, צו זיינע פיס; זיא וואָלט געפאלען אויפ'ן טעפּיך, אויב ער וואָלט זיא ניט געהאלטען.

— גאָט מיינער! פערצייהע מיר! — האָט זיא געכליפּעט, דריקענדיג זיינע הענד צו איהר ברוסט.

זיא האָט זיך געפיהלט אזוי פערברעכעריש און שולדיג, אז איהר איז גע־בליעבען בלויז צו ערנידריגען זיך און בעטען פערצייהונג; און אין לעבען איז דאָך פאר איהר איצט, אויסער איהם, קיינער ניט געווען, און דארום האָט זיא צו איהם געווענדעט איהר געבעט וועגען פערצייהונג. זיא האָט קוקענדיג אויף איהם, געפיהלט פיזיש איהר ערנידריגונג און האָט מעהר גאָרנישט געקאָנט ריי־דען. ער האָט אָבער געפיהלט דאָס, וואָס עס דארף פיהלען א מערדער, ווען ער זעהט דעם קערפּער, פון וועלכען ער האָט גערויבט דאָס לעבען. און דער קערפּער, פון וועלכען ער האָט אָבגענומען דאָס לעבען, דאָס איז געווען זייער ליעבע, דיא ערשטע צייט פון זייער ליעבע.

עס איז געווען עפּעס שרעקליכעס און אבשטויסענדעס אין דיא עראינע־רונגען וועגען דעם, פאר וואָס עס איז בעצאָהלט געוואָרען מיט דעם שרעקליכען פּרייז פון שאנדע. דיא שאנדע פאר איהר גייסטיגע נאַקעטקייט האָט זיא גע־שטיקט און דאָס האָט זיך איבערגעגעבען אויך איהם. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם גאנצען שרעק פון מערדער פאר דעם קערפּער פון דעם ערמאָרדעטען, דארף מען שניידען אויף שטיקער, בעהאלטען דעם קערפּער, מען דארף זיך בענוצען מיט אלעס, וואָס דער מערדער האָט זיך ערוואָרבען דורך דעם מאָרד.

און א צובייזטער, וויא כלומר'שט מיט ליידענשאפט, וואַרפט זיך דער מערדער אויף דעם דאָזיגען קערפּער, און שלעפּט, און שניידט איהם, אזוי האָט ער אויך באדעקט מיט קוסען איהר פּנים און איהרע שולטערן. זיא האָט געהאלטען זיין האנד און האָט זיך ניט גערירט. יא, דיא דאָזיגע קושען — דאָס וואָס איז געקויפט געוואָרען פאר דער שאנדע. יא, און דיא דאָזיגע האנד, וועלכע וועט זיין אימער מיינע, דיא האנד פון מיין מיט־פערברעכער. זיא האָט אויפגעהויבען דיא האנד און האָט זיא א קוש געטאָהן. ער האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף דיא קניע און האָט געוואָלט זעהען איהר געזיכט, אָבער זיא האָט דאָס געזיכט בעהאל־טען און האָט גאָרנישט גערעדט. ענדליך, וויא זיא וואָלט געמאכט אן אנשטריינ־גונג איבער זיך, האָט זיא זיך אויפגעהויבען און האָט איהם אוועקגעשטויסען. איהר פּנים איז געווען נאָך אלץ אזוי שעהן, אָבער דערפאר נאָך רחמנות'דיגער.

— אלעס געענדיגט — האָט זיא געזאָגט — ביי מיר איז קיין זאך ניטאָ אויסער דיר. געדיינק דאָס.

— איך קאָן ניט ניט געדיינקען דאָס, וואָס עס איז מיין גאַנצעס לעבען. פאָר איין מינוט פון דעם דאָזיגען גליק.....

— וואָס פאָר אַ גליק! — האָט זיא מיט אבשוי און שרעק געזאָגט און איהר שרעק האָט זיך ניט וועלענדיג אויך איהם איבערגעגעבען — אום גאָטעס ווילען, קיין איין וואָרט,, קיין איין וואָרט מעהר.

זיא איז שנעל אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָבגעצויגען פון איהם.

— קיין וואָרט מעהר — האָט זיא ווידערהאָלט און מיט דעם אויסדרוק פון קאַלטער פערצווייפלונג אויפ'ן פנים האָט זיא זיך געזעגענט מיט איהם. זיא האָט געפיהלט, אז אין דער מינוטע האָט זיא ניט געקאָנט אויסדריקען אין ווערטער יענעם געפיהל פון שאַנדע, פרייד און שרעק פאָר'ן אריינטרעטען אין אַ נייעם לעבען, און זיא האָט ניט געוואָלט ריידען וועגען דעם, האָט ניט געוואָלט פערוואולגאריזירען דעם דאָזיגען געפיהל מיט ניט פינקטליכע ווערטער. אָבער אויך דערנאָך, און אויפ'ן צווייטען, און אויפ'ן דריטען טאָג, האָט זיא ניט נור ניט געפונען קיין ווערטער, מיט וועלכע זיא זאָל קענען אויסדריקען דיא גאַנצע פיעלפאַכקייט פון דיא דאָזיגע געפיהלען, נור זיא האָט ניט געפונען אויך קיינע געדאַנקען, מיט וועלכע זיא זאָל אליין פאָר זיך קאָנען בעדיינקען אלעס, וואָס האָט זיך געטאָהן ביי איהר אין הארצען.

זיא האָט זיך געזאָגט: „ניין, איצט קאָן איך וועגען דעם ניט טראַכטען; דערנאָך, ווען איך וועל רוהיגער זיין". אָבער דיא רוהע פאָר איהרע געדאַנקען איז קיין מאָל ניט אָנגעקומען; יעדען מאָל, ווען איהר איז ארויפגעקומען אויף דיא געדאַנקען וואָס זיא האָט געטאָהן און וואָס מיט איהר וועט ווערען און וואָס זיא וואָלט געדאַרפט טאָהן, איז אויף איהר ארויף אַ שרעק, און זיא האָט אוועקגעיאָגט פון זיך דיא דאָזיגע געדאַנקען.

— דערנאָך, דערנאָך — האָט זיא אַלץ געזאָגט זיך — ווען איך וועל זיין רוהיגער.

דערפאַר אָבער אין שלאָף, ווען זיא האָט קיין מאַכט ניט געהאַט איבער איהרע געדאַנקען, האָט זיך איהר לאַגע פאָרגעשטעלט איהר אין דער פולער אָבשייליכער נאַקעטקייט. איין חלום פלעגט זיא כמעט זעהען יעדע נאַכט. איהר האָט זיך גע'חלום'ט אז ביידע צוזאַמען זיינען געוועזען איהרע מענער, אז ביידע האָבען אויף איהר פארשווענדעט זייערע צערטליכקייטען. אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש האָט געוויינט, קושענדיג איהרע הענד, און האָט געזאָגט: וויא גוט איצט איז! און אלעקסיי ווראָנסקי איז דאָ אויך געוועזען, און ער איז אייך געוועזען איהר מאַן. און זיא האָט זיך געוואונדערט דערויף, וואָס פריהער האָט זיך איהר דאָס געדוכט אלס אונמעגליך; זיא האָט זיי ערקלעהרט, לאַכענדיג, אז דאָס איז גאַנץ איינפאַך און אז זיי זיינען ביידע איצט צופריעדען און גליקליך. אָבער דער דאָזיגער חלום, האָט וויא אַ שרעקענס־בילד, געשטיקט זיא, און זיא פלעגט זיך אויפכאַפּען אַ צושראָקענע.

# אננא קארענינא

## .12

נאָך אין דער ערשטער צייט, ווען לעווין האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים פון מאָסקווא, ווען ער פלעגט יעדען מאָהל א ציטער טאָהן און רויט ווערן, דערמאָנענדיג זיך אויף דער שאנדע, וואָס מען האָט איהם ענטזאגט, האָט ער זיך געזאָגט: „אזוי פלעג איך אויך רויט ווערן און אויפשוידערן, ווען איך פלעג בעקומען אן איינס פאר פיזיק און ווען איך בין צוריקגעבליעבען אויף דעם צווייטען קורס; אזוי האָב איך זיך אויך גערעכענט פאר פערלאָרען נאָך דעם וויא איך האָב פערדאָרבען דיא אנגעלעגענהייטען פון מיין שוועסטער, וואָס מען האָט מיר אנפערטרויט. און וואָס איז דערפון? איצט, ווען עס זיינען אריבער יאָהרען, דערמאָן איך זיך און וואונדער זיך, וויא אזוי האָט דאָס מיך געקענט ערגערען. דאָסזעלביגע וועט אויך זיין מיט דער דאָזיגער דאגה. עס וועט אריבער א צייט, און איך וועל ווערן דערצו גלייכגילטיג.“

עס זיינען אָבער אריבער דריי מאָנאט און ער איז דערצו ניט געוואָרען גלייכגילטיג, און איהם איז אויך וויא אין דיא ערשטע טעג נאָך אלץ געווען שמערצליך צו דערמאָנען זיך וועגען דעם. ער האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען, ווארום ער, וועלכער האָט אזוי לאנג געטרוימט פון פאמיליען־לעבען, וועלכער האָט זיך געפיהלט אזוי רייף פיר אזא לעבען, איז נאָך פון דעסטוועגען אלץ געבליעבען אונפערהייראט און איז געווען ווייט פון חתונה האָבען, נאָך ווייטער אלס פריהער.

ער האָט שמערצליך אליין געפיהלט, וויא עס האָבען געפיהלט אלע ארום איהם, אז אין זיינע יאָהרען איז ניט גוט פאר א מענשען צו לעבען אליין. ער האָט געדיינקט וויא פאר זיין אָבפאָהר קיין מאָסקווא האָט ער איין מאָל געזאָגט זיין פיה־קנעכט ניקאָלאי'ען א נאאיווער פויער, מיט וועלכען ער האָט ליעב געהאט צו ריידען: „נו, וואָס ניקאָלאי! איך וויל חתונה האָבען“ און וויא ניקאָלאי האָט איהם אייליגענדיג געענטפערט: „שוין לאנג צייט, קאָנסטאנטין דעמיטריטש.“ אָבער חתונה האָבען איז געווען פון איהם איצט ווייטער איידער ווען ניט איז. דער פלאץ איז געווען פערנומען און ווען ער האָט איצט אין זיין אייגענער פאָרשטעלונג געפרופט שטעלען אויף דעם פלאטץ וועמען עס איז פון דיא בעקאנטע מיידלעך, האָט ער דערפיהלט, אז דאָס איז לחלוטין אונמעגליך.

אָבער דיא צייט און ארבייט האָבען געטאָהן דאָס זייעריגע. דיא שווערע עראינערונגען זיינען געוואָרען וואָס ווייטער און ווייטער אלץ מעהר פארצויגען מיט דיא וויכטיגע פאסירונגען פון דאָרפישען לעבען. מיט יעדע וואָך האָט ער אלץ זעלטנער דערמאָנט זיך וועגען קיטי. ער האָט מיט אונגעדולד געווארט אויף א נאכריכט, אז זיא האָט שוין חתונה געהאט אָדער וועט אין גיכען חתונה האָבען, האָפענדיג, אז אזא נאכריכט, אזוי וויא דאָס ארויסרייסען פון א צאָהן, וועט איהם אין גאנצען אויסהיילען.

דערוויל איז אָנגעקומען פריהלינג, דער שעהנער, פריינדליכער פריהלינג אָהן ערוואַרטונגען און אָהן ענטוישונגען, איינער פון יענע זעלטענע פריהלינגס,

וועלכער ערפרייהט צוגלייך פלאנצען, חיות און מענשען. דער דאָזיגער שעהנער פריהלינג האָט נאָך מעהר צונומען לעווינען און האָט נאָך אין איהם מעהר פערפעסטיגט זיין אבזיכט אָבצוזאָגען זיך פון אַלעס געוועזענע, אום איינצואָרדנען פעסט און אונאבהענגיג זיין איינזאמען לעבען. הגם פיעלע פון דיא פלענער, מיט וועלכע ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין דאָרף, זיינען פון איהם ניט אויסגעפיהרט געוואָרען, אָבער דיא הויפט זאך — דיא זויבערקייט פון לעבען האָט ער אָבגעהיט. ער האָט ניט געפיהלט דיא מאטערנים פון יענער שאנדע, וועלכע ער האָט געפיהלט און וועלכע האָט איהם געמאטערט נאָך א זינד און ער האָט דרייסט געקענט קוקען מענשען אין דיא אויגען.

אין מאָנאט פעברואר נאָך האָט ער ערהאלטען א בריעף פון מאריא ניקאָלאיעוונא וועגען דעם, אז זיין ברודער'ס צושטאנד ווערט ערגער און ערגער, אָבער ער וויל זיך ניט היילען, און איבער דעם איז לעווין געפאָהרען קיין מאָסקווא צום ברודער און איהם איז געלונגען איהם איבערצורעדען, ער זאָל זיך בעראטהען מיט א דאָקטאָר און פאָהרען אין א קור־אָרט קיין אויסלאנד.

אויסער דער ווירטשאפט, וואָס האָט געפאָדערט בעזונדער אויפמערקזאמקייט אין פריהלינג, אויסער לעזען, האָט לעווין נאָך פאָריגען ווינטער אָנגעהויבען צו שרייבען אַן אָבהאנדלונג וועגען ווירטהשאפטליכע אָנגעלעגענהייטען ; דער פלאן פון דער אָבהאנדלונג איז בעשטאנען דעריין, אז דער כאראקטער פון דעם ארבייטער זאָל בעטראכט ווערען אלס אן אבסאָלוטער אומשטאנד אין יוויסענשאפט, אויף דעמזעלבען אופן וויא עס ווערט בעטראכט דער קלימאט, דער באָדען און אז פאָלגליך, זאָלען אלע וויסענשאפטליכע כללים וועגען ווירטשאפט ארויסגעפיהרט ווערן ניט בלויז אויף גרונד פון באָדען און קלימאט אליין, נור פון באָדען, קלימאט און דעם בעוואוסטען אונגעענדערטען כאראקטער פון דעם ארבייטער. אזוי, אז ניט קוקענדיג אויף דער איינזאמקייט אָדער טאקע צו פערדאנקען דער איינזאמקייט איז זיין לעבען געוועזען זעהר אויסגעפיעלט ; נור צייטענווייז האָט ער געפיהלט דעם פערלאנג איבערצוגעבען וועמען ניט איז זיינע געדאנקען, וואָס בלאָנזשען ביי איהם ארום אין קאָפּ, איבערגעבען עמיצען אויסער אגאפיא מיכאילאוונא, אזוי וויא מיט איהר פלעגט זיך איהם מאכען אָפט צו שמועסען וועגען פיזיק, וועגען דער טהעאָריע פון ווירטשאפט און בעזונדער נאָך וועגען פילאָסאָפיע ; פילאָסאָפיע איז געוועזען אן ענין, וועלכען אגאפיא מיכאילאָוונא האָט געליעבט.

דער פריהלינג האָט זיך לאנג ניט צועפענט. דיא לעצטע וואָכען פון דער פאסטונג־צייט איז געוועזען קלאָהרער, פראָסטיגער וועטער. ביי טאָג האָט דיא זונן געשמאָלצען דעם אייז, און ביינאכט פלעגט דער פראָסט דערגעהן ביז זיבען גראד. פסח איז געוועזען אין שנעע. דערנאָך פלוצלונג אויף דעם צווייטען טאָג יום־טוב האָט זיך א בלאָז געטאָהן א ווארעמער ווינטעל, עס האָבען זיך אָנגערוקט וואָלקענס און דריי טעג און דריי נעכט האָט געגאָסען א שטורעמדיגער און ווארעמער רעגען. דאָנערשטאג איז דער ווינד איינגעשטילט געוואָרען, און עס האָט זיך ארויפגערוקט א געדיכטער, גרויער טומאן, אזוי וויא ער וואָלט פארדעקען דיא סודות פון דיא ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דער נאטור.

אין דעם טומאן האָבען א גאַס געטאָהן דיא וואסערען, האָבען זיך געשפּאָלטען און א טראָג געטאָהן דיא אייז־שטיקער, שנעלער האָבען א פליס געטאָהן דיא מוטנע, שוימענדיגע שטראָמען, און אויף דעם סאמע ר ו י ט ע ן ב ע ר ג ע ל האָט זיך נאָך פון אבענד צוריסען דער טומאן, דיא וואָלקענס זיינען זיך צולאָפען וויא שעפּסלעך. עס איז ליכטיג געוואָרען און עס האָט זיך צועפענט דער ווירקליכער פריהלינג. צו אין־דער־פריה האט דיא אויפגעקומענע עכטע זונן שנעל אויפגעגעסען דעם דינעם אייזעל, און דיא גאנצע ווארעמע לופט האָט א ציטער געטאָהן אָנגעפילטע מיט דאמפּפען פון דער אויפגעלעבטער ערד.

עס האט זיך ציגרינט דיא אלטע גראָז און דיא יונגע, וואס איז ארויסגעקראָכען וויא נאָדלען, עס האבען זיך אָנגעבלאָזען דיא קנאספּען פון דער קאלינע בוימער, פון דיא סמאראָדינע־קוסטעס און פון דער קלעפּיגער, ספּירטאָווער בעריאָזע, און אויף דיא בעשאָטענע מיט גאָלדיגען שטויב בלומענריטלעך האָט אָנגעהויבען צו זשומען דיא ארומפליהענדע בינן. דיא אונגעזעהענע לערכען האָבען זיך צוגאָסען איבער דעם זאמעט פון גרינס און איבער אייז־פערגלאָזטע שניטפעלדער, און עס זיינען הויך הורכגעפלויגען מיט א פריהלינגס־גוקעריי שטאָרכען און דיא גענז; עס האָבען זיך צורעוועט דיא אָבגעקראָכענע בהמות, עס האָבען זיך צושפּיעלט דיא קרומפיסיגע שעפּסלעך ארום דיא בלעקערצענדע מוטערס, דיא שנעל־פיסיגע אינגלעך זיינען זיך צולאָפען איבער דיא פערטריקענטע שטעגעלעך מיט דיא אָבגעזיגעלטע טריט פון באָרפוסע פיס; עס האבען זיך צוקנאקט לעבען טייכעל דיא פרעהליכע קולות פון דיא פרויען מיט לייוועגד, און עס האָבען זיך דערהערט אין דיא הויפען דיא קלעפּ פון דיא פויערשע העק, פעררריכטענדיג דיא סאָכעס און דיא בראָנעס. עס איז געקומען דער ווירקליכער פריהלינג.

## .13

לעווין האט אָנגעטאָהן דיא גרויסע שטיוועל און דעם ערשטען מאָהל ניט קיין פוטער, נור א געוואנטענע פּאָדדיאָווקע און איז אוועק איבערן ווירטהשאפט, שפּרייזענדיג איבער שטראָמען, וואס האבען געשניטען דיא אויגען מיט זייער גלאנץ אויף דער זונן, טרעטענדיג דאס אויף דינעם אייז און דאס אין זומפּיגע קויט...

פריהלינג — דיא צייט פון פּלענער און סברות. און ארויסגעהענדיג אין דרויסען, האט לעווין ניט געוואוסט נאָך קלאָהר פאר וועלכע נייע אונטערנעהמונגען אין זיין געליעבטער ווירטהשאפט, ער וועט זיך איצט נעהמען, אָבער ער האָט געפיהלט, אז ער איז פול מיט דיא בעסטע פּלענער און סברות. פריהער פון אלעס איז ער אוועק צו דיא פיה, הנאה האָבענדיג פון דיא צוגעקומענע קעלבער פאר היינטיגען יאהר. עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דיא בראָנעס, דיא סאָכעס און דיא אלע בליב פאר ערד־ארבייט, וועלכע ער האט געהייסען איבער־

קוקען און פערריכטען נאָך ווינטער און צוליעב וועלכע מען האט אָנגעשטעלט דריי בעלי מלאכות, זיינען געבליעבען ניט פערריכט, אז דיא בראָנעס האָט מען ערשט אָנגעהויבען פערריכטען ווען עס איז שוין געווען צייט צו געהן אויפסקאָראָדען דיא ערד. לעווין האָט געשיקט נאָך דעם פריקאזטשיק; אָבער האָט זיך באלד אליין גענומען אויפזוכען איהם. דער פריקאזטשיק, א שיינענדיגער, אזוי וויא אלע אין דעם טאָג, איז געגאנגען פון שייער, ברעכענדיג אין דיא הענד א שטרויעלע.

— פארוואָס איז דער פלאָטניק ניט ביי דער דרעש־מאשין.

— איך האָב געוואלט נאָך נעכטען אייך מעלדען, אז מען דארף דיא בראָנעס פערריכטען. שוין דאָך באלד צייט צו אקערן.

— און ווינטער, וואָס איז געווען?

— איז אויף וואס דארפט איהר דעם פלאָטניק?

— וואו זיינען דיא גראטעס פון דעם פיה־הויף?

— איך האָב געהייסען זיי ברייננגען אויפ'ן פלאטץ. וואס קענט איהר מאכען מיט דיא מענשען! — האָט געזאגט דער פריקאזטשיק מאכענדיג מיט'ן האנד.

— ניט מיט דיא מענשען נור מיט דעם פריקאזטשיק! — האָט געזאגט לעווין אן אויפגעבראכטער — נו, צוליעב וואס האלט איך אייך — האָט ער זיך צושריען. אָבער דערמאָנענדיג זיך, אז דאס וועט ניט העלפען, האָט ער געלאָזען אין מיטען און האט זיך אָבגעזיפצט — נו, וואס קען מען זעען? — האָט ער א פרעג געטאָהן נאָך א ווייל שווייגען. — געשיקט נאָך גראָז־זאָט?

— געשיקט וואסילין מיט מישקא'ן און זיי צוזעען. איך וויים אבער ניט אויב זיי וועלען דורכקריכען. זומפיג.

— אויף וויפיעל דעסיאטין?

— אויף זעקס.

— פאר וואס ניט אויף אלע? — האָט א געשריי געטאָהן לעווין.

וואס מען האט געזעעט היי־גראָז אויף זעקס און ניט אויף צוואנציג דעסיאטין, דאס איז געווען פערדריסליך. לעווין האָט געוואוסט אי פון טהעאָריע, אי פון איינענע ערפאהרונג, אז דאס דאָזיגע דארף מען זעען וואס פריהער. כמעט נאָך אין שנעע, און קיין מאָהל האָט ער דאס ניט געקענט אויספיהרען.

— ניטאָ קיין מענשען. וואס קענט איהר מיט זיי מאכען? זיי זיינען יאָר ניט געקומען. און סעמיאָן האָט אויך....

— נו, וואָלט איהר איצט אָבלאָזען דיא שטרוי און געברויכען דיא מענשען....

— האב איך דאָך זיי שוין צוגענומען פון דיא שטרוי.

— וואו זיינען זשע אלע מענשען?

— פינף מאכען קאָמפאָט. פיער שיטען איבער דעם האָבער, ער זאל זיך ניט ריהרען, קאָנסטאַנטין דמיטריטש.

לעווין האָט זעהר גוט געוואוסט. אז „ער זאל זיך ניט ר י ה ר ע ן“,

# אננא קארעגינא

האָט געמיינט, אז מען האָט שוין קאליע געמאכט דיא זריעה פון'ם ענגלישען האָ־רער — מען האט, הייסט עס, ווידער ניט געטאָהן וואס ער האָט געהייסען.

— איך האָב אָבער דאָך נאָך געהייסען אין דיא פאסט־טעג!... — האט ער א געשריי געטאָהן.

— בעאונרוהיגט זיך ניט, מיר וועלען אלץ מאכען אין דער צייט.

לעווין האָט מיט כעס א מאך געטאָהן מיט דער האנד, איז אוועק אין שפייכלער א קוק טאָהן אויפ'ן האָבער און האט זיך אומגעקעהרט צום פערד־שטאַהל. דער האָבער איז נאָך ניט געווען פערדאָרבען. אָבער דיא ארבייטער האָבען איהם איבערגעשאָטען מיט לאָפּעטעס, ווען מען האָט געקאָנט מיט אייז מאָל אראָבלאָזען איהם אין אונטערשטען שפייכלער. הייסענדיג אזוי טאָהן און אָברייסענדיג אויף אזא'ן אופן פון דאנען צוויי ארבייטער אויף צו זען היי־זריעה, האָט זיך לעווין בערוהיגט פון זיין פערדרוס געגען דעם פריקאזטשיק. און דער טאָג איז טאקע געווען אזא שעהנער, אז מען האָט ניט געקאָנט אין כעס זיין.

— איגנאט! — האָט ער א געשריי געטאָהן צום קוטשער, וועלכער האָטביים ברונען אָבגעוואשען דיא קאליאסקע — זאָטעל פאר מיר אָן....

— וועלכען הייסט איהר?

— נו, זאָל זיין קאָלפּיקן.

— איך פאָלג, מיין הערר.

ביז מען האָט אָנגעזאָטעלט דעם פערד, האָט לעווין ווידער א רוף געטאָהן דעם פריקאזטשיק, וועלכער האָט זיך דאָ ארומגעדרעהט אום צו שליסען שלום מיט איהם, און האָט זיך מיט איהם צו־רעדט וועגען דיא בעפאָרשטעהענדע פריהלינגס־ארבייט און ווירטהשאפטליכע פּלענער.

דער פריקאזטשיק האָט געהערט אויפמערקזאם און האָט, קענטיג געמאכט אן אָנשטריינגונג איינצושטימען מיט דעם בעל־הבית, ער האָט אָבער געהאט דעמזעלבען פּנים, וועלכער איז לעווינען שוין אזוי בעקאנט און וועלכער האָט איהם שטענדיג אויפגעבראכט איבער דעם האָפנונגסלאָזען, טרויעריגען אויסזעהען. דער דאָזיגער פּנים האָט געזאָגט: דאָס אלץ קאָן זיך זיין גוט, נור וויא גאָט וועט געבען.

קיין זאך האָט אזוי ניט געערגערט לעווינען, וויא דער דאָזיגער טאָן. אָבער אזא טאָן איז געווען אלגעמיין, ביי אלע פריקאזטשיקעס, וויפיעל ער האָט זיי ניט געהאט.

— יויא מיר וועלען בעווייזען, קאָנסטאנטין דמיטריטש — האָט געזאָגט דער פריקאזטשיק.

— פאר וואָס זאָלען מיר ניט בעווייזען?

— מען דארף אונבעדינגט אָנשטעלען נאָך א מאָן פונפצעהן ארבייטער. עס קומען קיינע ניט. זיינען היינט געווען וועלכע, זיי פערלאנגען צו זיבעציג רובעל פאר'ן זומער.

לעווין האָט געשוויגען. ער האָט געוואוסט, אז וויפיעל ער זאָל ניט פּרו־בען, וועט ער מעהר פון פערציג מענשען ניט קאָנען אָנשטעלען לויט דיא איצטיגע שכירות. פערציג האָט ער געדונגען, און מעהר קריגט ער ניט.

— שיקט קיין סוכע, קיין טשעפיראָווקע, אויב עס וועלען קיין אַנדערע ניט קומען. מען דאַרף זוכען.

— שיקען וועל איך שוין — האָט טרויעריג געענטפערט וואסילי פיעדאָראָוויטש — אָבער דיא פערד זיינען גאָר שוואַך געוואָרען.

— וועלען מיר צוקויפען. אָבער איך וויים דאָך — האָט ער צוגעלייגט לאַכענדיג — איהר וועט אַלץ זוכען וואָס וויניגער און וואָס ערגער; אָבער איך וועל דעם יאָהר שוין ניט לאָזען אייך טאָהן אַלעס אויף אייער אופן. איך וועל אַליין אַלעס טאָהן.

— איהר שלאָפט אזוי אויך צו וויינינג. אונז איז פרעהליכער, ווען דער בעל־הבית קוקט זיך אַליין צו.

— זעעט מען דיא היי־זריעה הינטער דעם בעראָזאָווען טהאָל? איך וועל אַריבערפאָהרען א קוק טאָהן — האָט ער געזאָגט, זעצענדיג זיך רייטענדיג אויף דעם קליינעם בולאַנעם פערדעל קאָלפיק, וועלכען דער קוטשער האָט צוגעפיהרט.

— איהר וועט ניט קאָנען אריבערפאָהרען דעם שטראָם, קאָנסטאַנטין דמיטריטש — האָט געשריען נאָך איהם דער קוטשער.

— נו, וועל איך פאָהרען דורך'ן וואַלד.

אויב לעווינען איז געוואָרען פרעהליך, ווען ער האָט בעקוקט דעם פיה־הויף, איז איהם אויף דיא פעלדער נאָך פרעהליכער געוואָרען. מעסיג וויגענדיג זיך אויף דעם גוטען פערדעל, איינזוויגענדיג דעם ערוואַרעמטען און ערפרישענדען גערוך פון שנעע און לופט, האָט ער, רייטענדיג דורכ'ן וואַלד געפרעהט זיך פון יעדען בוימעלע זיינעם מיט דיא אָבגעלעבטע מאָך, וואָס איז געווען אויף זיין קאָרע און מיט דיא אָנגעשוואָלענע קנאָספען. ווען ער איז ארויסגעריטען פון וואַלד האָט זיך פאַר זיינע אויגען צושפּרייט אויף אַן אונגעהייערער שטרעקע דאָס גרין, אַזוי וויא אַ גלייכער זאַמעטענער טעפּיך אָהן איין שימעל־שטיק, אָהן איין אויספלוס, נור וואו ניט וואו אַ שטיקעל פלעך פון צושמעלצטע שנעע.

ער איז איצט ניט בייז געוואָרען, זעהענדיג וויא פויערשע פערדלעך צוטרעטען זיין גרינעם פעלד (ער האָט געהייסען אַ בעגעגענטען פויער אראָבטרייבען זיי) און ניט פון דעם חוזק'דיגען און נארישען ענטפער פון דעם פויער איפּאַט, וועלכען ער האָט בעגעגענט און ביי וועלכען ער האָט געפרעגט: „נו, וואָס, איפּאַט, באַלד צייט צו זעען?" — „מען דאַרף פריהער אַקערען, קאָנסטאַנטין דמיטריטש" — האָט איפּאַט געענטפערט.

וואָס ווייטער ער איז געפאָהרען, אַלץ פרעהליכער איז איהם געוואָרען, און פּלענער איינער בעסער פאַר'ן אַנדערען האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט: ארומפלאַנצען אַלע פעלדער מיט קוסטעס; איינטהיילען זיי אין זעקס פעלדער אויף אויסצובעסערען מיט מיסט און דריי אויף גראָז צו פערזעען; אויסבויען אַ פיה־הויז אויף דעם ווייטען ברעג פון פעלד און אויסגראָבען אַ סאַזשעלקע. און דאַן 300 דעסיאַטין ווייץ, 100 דעסיאַטין קארטאָפעל און 150 דעסיאַטין אויף גראָז, און קיין איין דעסיאַטין זאָל ניט אין ניוועץ געהן.

מיט אַזעלכע טרוימערייען, קירעווענדיג פאָרזיכטיג דעם פערד אויף דיא מעזשעס, צווישען דיא פעלדער, כדי ניט צו צוטרעטען דיא גרינס, איז ער צוגע־

פאהרען צו דיא ארבייטער, וואס האבען געזעעט דיא היי־זריעה. ביידע ארבייטער זיינען געזעסען אויפ׳ן מעזשע, קענטיג רויכערענדיג געמיינזאם א לולקע. דיא ערד אין וואגען איז געוועזן ניט צוריבען, און איז געלעגען אין געפרארענע שטי־קער. דערזעהענדיג דעם בעל־הבית, איז דער ארבייטער וואסילי אוועק צום וואַ־גען, און מישקא האט זיך גענומען זעען. דאס איז געוועזן ניט גוט, נור אויף דיא ארבייטער איז לעווין זעלטען ווען אין כעס געוואָרען. ווען וואסילי איז צוגעגאנ־גען האט לעווין געהייסען איהם אבפיהרען דעם פערד צום ברעג פעלד.

— נישט־קשה, פריץ׳ל.

— זיי אזוי גוט און טהו וואס מען הייסט דיר.

— איך פאלג — האט געענטפערט וואסילי און האט זיך גענומען פאר דעם פערד׳ס קאפ — אבער זריעה איז דאס, קאנסטאנטין דמיטריטש, ערשטער סארט. אבער געהן איז א צרה! א פודעל בלאטע שלעפסטו אויף יעדער לאפטיע — האט ער געזאגט חנפהנענדיג זיך.

— און פאר וואס איז ביי אייך דיא ערד ניט קיין צוריבענע? — האט געפרעגט לעווין.

— מיר צודריקען דאך זיא — האט געענטפערט וואסילי, אננעהמענדיג א הויפען זריעה מיט ערד און רייבענדיג אין דיא הענד.

וואסילי איז אפילו ניט שולדיג געוועזן וואס מען האט איהם אנגעשאטען א וואגען היי־זריעה מיט ניט צוריבענע ערד, אבער לעווינען האט דאס געקריינקט.

לעווין האט שוין ניט איין מאל געפרופט א מיטעל צו פארטויבען אין זיך זיין פערדרוס און אלעס וואס עס זעהט אויס שלעכט מאכען אז עס זאל ווידער זיין גוט. ער האט איצט געבר־יכט דעמזעלבען מיטעל. ער האט א קוק געטאהן וויא מישקא האט געטראטען, שלעפענדיג מיט זיך גרויסע שטיקער ערד, וואס האט זיך ארומגעקלעפט ארום יעדער פוס; ער האט א נעהם געטאהן ביי וואסילין דיא זעע־קערבעל און איז אוועק זעען.

— וואו האסט דוא זיך אבגעשטעלט?

וואסילי האט אנגעוויזען מיט׳ן פוס. געהען איז געוועזן שווער וויא אין א זומפ. און לעווין ,זרכגעהענדיג איין שטרייף איז פערשוויצט געוואָרען, האט זיך אבגעשטעלט און האט אבגעגעבען דיא זעע־קערבעל.

— נו, פריץ׳ל, ווען עס וועט קומען זומער זאל איך ניט געזידעלט ווערען פאר דעם דאזיגען געזועטען שטרייף — האט געזאגט וואסילי.

— וואס איז? — האט פרעהלאך א זאג געטאהן לעווין — פיהלענדיג שוין וויא דער מיטעל האט געווירקט.

— אט וועט איהר א קיק טאהן זומער. וועט זיין אן אונטערשיעד. איהר גיט אקארשט א קוק, וואו איך האב געזעעט לעצטען פריהלינג. און וויא געזעעט! איך סטארעווע זיך, קאנסטאנטין דמיטריטש, וויא פאר א לייבליכען פאטער. איך האב אליין ניט ליעב שלעכט צו ארבייטען און איך הייס אויך אנדערע ניט. ווען דעם בעל הבית איז גוט, איז אונז גוט. ווען מען גיט א ווארף א בליק אן אהין אויפ׳ן פעלד, פרעהט דאס הארץ — האט געזאגט וואסילי אנווייזענדיג אויפ׳ן פעלד.

— און א גוטיען פריהלינג האָבען מיר, וואסילי, הא!

— א, אזא פריהלינג, אז דיא אַלטע קאָנען אזא ניט געדיינקען. איך בין אין דערהיים געוועזען, האָט דאָרט ביי אונז אַן אַלטער פויער אויך א דריי מעסטלעך ווייץ פארזעעט. זאָגט ער, אז שווער צו אונטערשיידען פון קאָרען.

— שוין לאַנג וויא איהר האָט אָנגעהויבען ווייץ זייען?

— איהר האָט אונז געלערענט נאָך פאר פאָריגען יאָהר; איהר האָט דאָך מיר געשיינקט צוויי מעסטלעך, האָבען מיר א פערטעל פערקויפט, און דריי אַכטעלעך פארזעעט.

— נו, זעהט־זשע, צורייבט דיא שטיקער ערד — האָט געזאָגט לעווין צוגעהענדיג צום פערד — און גיב אַכטונג, אז מישקא זאָל אויך אזוי, און אויב עס וועט גוט אויפגעהען קריגסט דוא צו פופציק קאָפּיקעס פון דעסיאַטין א מתנה.

— מיר דאנקען אנטערטעניגליך. מיר זיינען פון אייך אזוי אויך גענוג צופריעדען.

לעווין האָט זיך געזעצט אויפ׳ן פערד און איז אוועקגעריטען איבער׳ן פעלד, וואו עס איז געוועזען פאר־א־יאָהרען פארזעעט היי־גראָז. איבער דיא געאַקערטע פעלדער איז געוועזען אזוי זומפּיג, אז עס איז גאָר ניט געוועזען דורכצופאָהרען, אָבער אין א פּאָאר טעג ארום וועט מען שוין קאָנען בראָנעווען און זעען. אַלעס איז געוועזען שעהן, אַלעס איז געוועזען פרעהלאָך. צוריק איז לעווין געפאָהרען איבער׳ן שטראָם, האָפענדיג, אז דאָס וואסער איז אָבגעפאַלען. און ווירקליך, ער איז אריבער דעם שטראָם און האָט צושראָקען צוויי ענטלעך. „עס דארפען אויך זיין וואלד שנעפּען“ — האָט ער א טראַכט געטאָהן און אקוראט ביים פערקירעווען האָט ער בעגעגענט דעם וואלד־וועכטער, וועלכער האָט בעשטעטיגט זיין מיינונג וועגען וואלדשנעפּען.

שנעלער איז לעווין געפאָהרען אהיים, כדי ער זאָל נאָך בעוויזען מיטאָג עסען און פארטיג מאַכען צו אבענד זיין ביקס פאר געיעג.

## 14.

צופאָהרענדיג צום הויז זעהר פרעהלעך אַן אויפגעלעגטער, האָט לעווין דערהערט פון דער זייט פון פאראדנעם צופאָהר א גלעקעל.

— דאָס מוז זיין פון אייזענבאהן עמיצער — האָט ער א טראַכט געטאָהן — עס איז אקוראט דיא צייט פון דעם מאָסקווער צוג. ווער זאָל דאָס קאָנען זיין? צו ניט ברודער ניקאָלאַי? ער האָט דאָך געזאָגט: „עס קאָן זיין, אז איך וועל פאָהרען אין א קור־אָרט, און עס קאָן זיין, אז איך וועל גאָר קומען צו דיר.“ אין דער ערשטער מינוט איז איהם אונאנגענעהם געוואָרען, וואָס דעם ברודערס אנוועזענהייט וועט איהם צושטערען זיין גליקליכע פריהלינגס־שטימונג. אָבער ער האָט זיך באַלד פארשעהמט פאר אזא געפיהל, און ער האָט באַלד אזוי ווי צועפענט

זיין הארציגע אומארמונג און מיט זאנפטער פרייד האט ער געוואַרט און געווינשט אוצט מיט'ן גאנצען הארצען, אז דאס זאל זיין דער ברודער.

ער האט א טריב געטאָהן דעם פערד און איז צוגעפאָהרען הינטער דיא אקאציען־בוימער; ער האט דערזעהען א דריי־געשפאן פון דער אייזענבאהן־סטאנציע און א העררן אין א פוטער. דאס איז ניט געווען דער ברודער. „אך, ווען דאס וואלט געווען עפעס אן אנגענעהמער מענש מיט וועמען א שמועס צו טאָהן“, האט ער א טראכט געטאָהן.

— א! — האט מיט פרייד אויסגעשריען לעווין, אויפהויבענדיג ביידע הענד אין דער הויך — וואס פאר א ליעבער גאסט! אך, וויא בין איך גערן וואס דוא ביסט געקומען! — האט ער געשריען, דערקענענדיג אז דאס איז סטעפאן ארקאדיעוויטש.

„איך וועל זיך איצט זיכער דערוויסען, אויב זיא האט געהייראטה, אדער ווען זיא געהט הייראטען“, האט ער א טראכט געטאָהן.

און אין דעם דאזיגען שעהנעם פריהלינגס־טאג האט ער דערפיהלט, אז דיא ערינערונג וועגען איהר טהוט איהם גאר ניט וועה.

— וואס? האסט ניט ערווארט? — האט געזאגט סטעפאן ארקא־דיעוויטש ארויסקריכענדיג פון שליטען, א פערשפריצטער אין בלאָטע אויף דער נאז, באקען און ברעמען, אבער האט געשיינט מיט געזונד און מיט פרייד — בין געקומען צופאָהרען דיך זעהען, דאס איז איינס; אויף געיעג געהן, דאס איז צוויי, און וואלד יערגושאָווען פערקויפען, איז דריי.

-- פראכטפאָל! און וואס פאר א פריהלינג? וויא ביסט דו דאס דערפאָהרען אין א שליטען?

-- אין א וואגען איז נאך ערגער, קאנסטאנטין דמיטריטש — האט געענטפערט דער בעקאנטער פוהרמאן.

— נו, בין איך זעהר, זעהר גערן, וואס דו ביסט געקומען — האט שמייכלענדיג אויפריכטיג מיט א קינדערשען שמייכעל געזאגט לעווין.

לעווין האט אריינגעפיהרט זיין גאסט אין דעם צימער פאר געסט, וואוהין עס זיינען אויך אריינגעטראָגען געוואָרען סטעפאן ארקאדיעוויטשעס זאכען: זיין רייזע טאש, א ביקס אין א ציך, א. ז. וו. און לאזענדיג איהם איינוואשען זיך און איבערטאָהן זיך, איז ער אליין דערווייל אוועק אין קאנ־טאָר איבערצוגעבען וועגען דיא אקערונג און וועגען דיא גראָז־פערזעאונג. אגאפיא מיכאילאָווגא האט איהם בעגעגנט אין פאָדער־צימער מיט פראגען וועגען מיטאג.

— מאכט וואס איהר וועט מאכען, נור וואס שנעלער — האט ער געזאגט און איז אוועק צום פריקאזטשיק.

ווען ער איז געקומען צוריק איז שוין סטעפאן ארקאדיעוויטש, אן איינגעוואשענער, א פערקאמטער און שיינענדיג מיט א שמייכעל, ארויס פון זיין צימער און זיי זיינען ביידע געגאנגען ארויף אין דיא אויבערשטע צימערן.

— אבער וויא בין איך גערן, וואס איך האב זיך דערקליבען אהער: איצט וועל איך פערשטעהן, אין וואס עס בעשטעהען יענע געהיימניסע, וועלכע

# אננא קארענינא

דו שאפסט דאָ. ווירקליך איך בין דיר מקנא. וואָס פאַר אַ הויז! וויא גוט דאָ איז! ליכטיג, פרעהליך, — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, פאַרגעסענדיג אַז ניט שטענדיג איז פריהלינג און קלאָהרע טעג, וויא היינט — און דיין אמעלע, וואָס פאַר אַ פּראכט! עס וואָלט געווען אפילו בעסער צו האָבען אַ שעהנינקע קאַמער־מעדכען מיט אַ פאַרטוכעל; אָבער ניט פאַר דיר מיט דיין מאָנאַכישען, שטרייננגען לעבען איז דאָס זעהר גוט.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דערצעהלט פיעלע אינטערעסאנטע נייעס און בעזונדער נאָך אַ נייעס וואָס האָט לעווינען אינטערעסירט, אַז זיין ברודער, סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך געקליבען צו קומען אויף זומער צו איהם אין דאָרף.

קיין איין וואָרט האָט סעטפּאַן אַרקאַדיעוויטש ניט דערצעהלט וועגען קיטי און אין אַלגעמיין וועגען דיא שטשערבאצקים, ער האָט נור איבערגעגעבען אַ געררוס פון זיין פרוי. לעווין איז איהם געווען דאַנקבאַר פאַר זיין איידעלקייט און איז געווען זעהר צופריעדען פון דעם גאַסט. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז שטענדיג געווען ליעבליך אין זיינע בענעהמונגען, האָט פערשטאַנען אַלעס פיין איין אָנדייטונג, און דעם מאָהל איז ער נאָך עפּעס געווען בעזונדער מילד, און לעווין האָט באַמערקט אין איהם אַ נייעם כאַראַקטער־צוג, וואָס האָט איהם געחנפ'עט, אַ מין אכטונג, רעספּעקט און צערטליכקייט צו איהם האָט ער אין איהם געמערקט.

דיא מיה פון דעם קוכער און פון אגאַפיא מיכאַילאָוונא, אַז דער מיטאָג זאָל זיין בעזאָנדערנס אַ גוטער, האָט געפיהרט בלויז דערצו, אַז ביידע פריינד האָבען זיך גוט אויסגעהונגערט, האָבען זיך געזעצט דערווייל צובייסען, האָבען זיך אָנגעגעסען מיט ברויט מיט פּוטער, מיט געזאַלצענע שוועמלעך. לעווין האָט נאָך געהייסען דערלאַנגען דערווייל דיא זופּ אָהן דיא פּיראָזשקעס, מיט וועלכע דער קוכער האָט געוואָלט בעזאָנדערס פערוואונדערן דעם גאַסט. אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וועלכער איז הגם געוועהנט געוואָרען צו אַנדערע מיני מאָהלצייטען, האָט געפונען אַלעס פאַר פּרעכטיג.

— זעלטענהייט! זעלטענהייט! — האָט ער גערעדט אַלץ, פערוויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס נאָך דיא בראַטענס — איך בין צו דיר געקומען, אַזוי וויא מען קומט פון אַ דאַמפּף־שיף נאָך אַ ברויזענדער און רוישענדער צוטרויסלונג און מען קומט אַרויס אויף אַ שטילען ברעג. איז וואָס זאָגסט דוא, אַז אין ווירטהשאַפטליכע אַנגעלעגענהייטען איז נויטיג, אַז דער עלעמענט פון דעם אַרבייטער דאַרף זיין אויסגעפאָרשט און נאָך דעם נאָך דאַרף זיך ווענדען וויא מען זאָל פיהרען אַ ווירטהשאַפט. איך בין דאָך דעריין אַן עם הארץ; אָבער מיר דוכט, אַז אַזאַ טהעאָריע און איהר אָנווענדונג וועט האָבען אַ ווירקונג אויף דעם אַרבייטער גופא.

— יאָ, נור וואָרט: איך רייד ניט וועגען פּאָליטישער עקאָנאָמיע, איך רייד וועגען וויסענשאַפט פון פיהרען אַ ווירטהשאַפט. זיא דאַרף זיין אַזוי וויא נאַטור־וויסענשאַפט, מען דאַרף אויספאָרשען דיא ערשיינונגען און דעם אַרבייטער מיט זיין עקאָנאָמישען, עטנאָגראַפישען . . .

# אננא קארעני̇נא

אין דער מינוט איז אריינגעקומען אגאפיא מיכאילאָווגא מיט איינגע־מאכטס.

— נו, אגאפיא פיאדראווגא — האָט איהר געזאָגט סטעפאן ארקאדיע־וויטש, קושענדיג דיא ברעגען פון זיינע ווייכע פינגער — וואָס פאר א שוועמע־לעך ביי אייך זיינען, וואָס פאר מארינירטע גרעזעלעך! . . . אפשר שוין ציים, קאָסטיא? — האָט ער זיך א ווענד געטהאָן צו לעווין.

לעווין האָט א קוק געמהאָן אין פענסטער אויף דער זונן, וועלכע האָט זיך ארונטערגעלאָזען הינטער דעם נאקעטען שפיץ וואלד.

— צייט, צייט — האָט ער געזאָגט — קוזמא, שפאנען!

זיי זיינען אראָבגעגאנגען אונטען. סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט אליין אראָבגענומען מיט פינקטליכקייט דיא פארוסינענע דעק פון דעם גלאַנציגען קעסטיל, און עפענענדיג דיא קעסטעל, האָט ער אָנגעהויבען ארויסנעהמען זיין טהייערען ביקס פון נייעם פאסאָן. קוזמא, וועלכער האָט שוין געפיהלט אז דא וועט ער בעקומען א היבשען „אויף שנאפס“, האָט ניט אָבגעטראָטען פון סטעפאן ארקאדיעוויטש און האָט איהם אָנגעטהאָן דיא זאָקען, דיא שטיוועל, א. ז. וו.

— קאָסטיא, הייס זיי, אז אויב עס וועט קומען דער סוחר ריאבינין זאָל מען איהם אויפנעהמען און מעלדען; איך האָב איהם געהייסען היינט קומען...

— פארקויפסט דוא דעם וואלד ריאבינינען?

— יא. דוא קענסט איהם דען?

— געוויס. איך האָב מיט איהם געהאט אָן עסק „ענטשיעדען און זיכער“.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט זיך צולאכט. „ענטשיעדען און זיכער“ זיינען געווען דיא ליעבלינגס־ווערטער, וועלכע דער סוחר ריאבינין פלעגט גע־ברויכען.

— יא, ער רעדט זעהר קאָמיש — האָט ער געזאָגט און האָט געפעטשעלט מיט'ן האנד דיא צויג לאסקא, וועלכע האָט געקוויטשעט דרעהענדיג זיך ארום לעווינען און געלעקט זיין האנד, זיינע פיס און דעם ביקס — אהא, האָסט פער־שטאנען, וואוהין דער בעל הבית געהט.

דער צווייטער הונד, דאָלגושא איז שוין געשטאנען לעבען גאניק, ווען זיי זיינען ארויסגעקומען.

— איך האָב געהייסען איינשפאנען, אָבוואָהל עס איז ניט וויים; אפשר זאָלען מיר צופוס געהן?

— ניין, לאָמיר בעסער פאָהרען — האָט געזאָגט סטעפאן ארקאדיעוויטש, צוגעהענדיג צו דאָלגושא.

ער האָט זיך אריינגעזעצט, האָט איינגעדעקט דיא פיס און האָט פעררויכערט א סיגאר, זאָגענדיג:

— וויא רויכערסט דוא דאָס ניט! א סיגאר איז ניט אזוי א תענוג, וויא א צייכען פון הנאה. אט דאָ היסט עס געלעבט! וויא גוט! אָט אזוי וואָלט איך אויך געוואָלט לעבען!

— ווער־זשע שטערט דיר? — האָט געשמייכעלט לעווין.

— ניין, דוא ביסט א גליקליכער מענש. אלעס וואָס דוא ליעבסט האָסט

דוא. ליעבסט פערד, האָסט דוא זיי; הינד — האָסט דוא; יאגד — האָסט דוא; ווירטהשאפט — האָסט דוא.

— עס קאָן זיין, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב הנאה פון דאָס וואָס ביי מיר איז פאַראַן, און טו'איער ניט וועגען דאָס, וואָס ביי מיר איז ניטאָ — האָט געזאָגט לעווין, דערמאָנענדיג זיך וועגען קיטי.

סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט פערשטאַנען, האָט א קוק געטאָהן אויף איהם, האָט אָבער גאָר נישט געזאָגט.

לעווין איז געוועזן דאַנקבאַר אבלאָנסקין פאַר וואָס ער האָט מיט זיין שטענדיגען טאקט קיין זאַך ניט גערעדט וועגען דיא שטשערבאצקים, ווייל לעווין האָט דיא גאַנצע צייט מורא געהאַט, עס זאָל זיך ניט פאַרפיהרען א שמועס וועגען זיי. אָבער איצט האָט זיך איהם זעהר פאַרגלוסט ערקונדיגען זיך וועגען זיי, אויסגעפינען דאָס, וואָס איהם האָט אזוי געמאַטערט, ער האָט אָבער ניט געוואַגט אָנצוהויבען וועגען דעם.

— נו, וויא געהן דאָס דיינע געשעפטען? — האָט געזאָגט לעווין א טראַכט טאָהנ'דיג וויא ניט גוט עס איז פון זיין זייט צו טראַכטען בלויז וועגען זיך.

סטעפאַן ארקאדיעוויטשעס אויגען האָבען אָנגעהויבען גלאַנצען פרעהלאַך.

— דוא אנערקענסט דאָך ניט, אַז מען קאָן ליעב האָבען קוילעטשען, ווען עס איז פאַראַן א פּאַרטיגער פלאָדען; דוא רעכענסט דאָך דאָס פאַר א פאַרברעכען; און איך אַנערקען קיין לעבען אָהן ליעבע — האָט ער געזאָגט, פאַרשטעהענדיג אויף זיין אייגענעם אופן לעווינס פראַגע — וואָס איז צו מאַכען, איך בין שוין אזוי בעשאפען געוואָרען. און ווירקליך, וועמען ברייננגט מען דען דערמיט שאַדען? און פאַר זיך איז דאָס אזא פערגעניגען....

— וואָס איז, אָדער עפּעס פאַראַן וואָס נייעס? — האָט געפרעגט לעווין.

— פאַראַן, ברודער! פאַרשטעהסט דוא מיך, ברודער, דוא קענסט בלויז אזעלכע ווייבער, וועלכע מען זעהט נור אין חלום.... און דיא דאָזיגע ווייבער זיינען אויפ'ן וואָהר... און דאָס זיינען שרעקליכע ווייבער... א פּרויענצימער, פאַרשטעהסט דוא מיך, דאָס איז אזא זאַך, וואָס וויפיעל דוא זאָלסט ניט אויספאָרשען, וועט זיא פאַר דיר אַלץ זיין ניי.

— איז שוין בעסער גאָרניט צו פאָרשען.

— ניין, עפּעס איינער א מאַטעמאַטיקער האָט געזאָגט, אַז דער פערגעניגען בעשטעהט ניט אין דער ענטדעקונג פון דער וואַרהייט, נור אין זוכען דיא וואהרהייט.

לעווין האָט געהערט שווייגענדיג און, ניט קוקענדיג אויף אַלע אנשטריינגונגען, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט אריבערטראָגען זיך אין דער נשמה פון זיין פריינד און האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן זיינע געפיהלען און דעם פערגעניגען אין שטודירען פרויענצימער.

## 15.

צופאהרענדיג צום וואלד, איז לעווין אראבגעגאנגען און האט דורכגעפיהרט אבלאנסקין צו דעם ווינקעל פון א מאכיגען און זומפיגען פעלד, וועלכעס איז שוין בעפרייט געווארען פון שנעע. אליין האט ער זיך צוריקגעקעהרט צום צווייטען ברעג פון פעלד, צו דער דאפעל־בעריאזע, און אוועקשטעלענדיג זיין ביקס אנגעשפארט אן דעם נידעריגען אבגעהאקטען צווייגעל, האט ער אויסגעטאהן זיין קאפטען, האט זיך ארומגעגארטעלט און האט געפרופט אויב זיינע הענד קאנען זיך פריי בעוועגען.

פון דעם געדיכטען וואלד, וואו עס איז נאך דער שנעע פערבליבען, האט קוים הערבאר געפלאסען אין געדרעהטע, שמאלע שטראמען דאס וואסער. קליינע פויגלעך האבען געצוויטשערט און זיינען פון צייט צו צייט איבערגעפלויגען פון בוים אויף בוים. צווישען מאמענטען פון פאלשטענדיגער שטילקייט האט זיך געהערט דאס שורשען פון פאר־א־יאהריגע בלעטער, וועלכע האבען זיך געריהרט פון'ם שמעלצען פון דער ערד און פון'ם וואקסען פון דיא גראז.

„וויא גוט! עס הערט זיך און זעהט זיך, וויא דיא גראז וואקסט!" — האט געזאגט לעווין. ער איז געשטאנען, געקוקט און געהערט; געקוקט אויף דער נאסער מאכיגער ערד אונטען, אויף דיא שפיצען פון דעם וואלד, וואס האט זיך צושפרייט אונטער'ן בארג, אויף דעם הימעל, וואו עס האבען זיך געטראגען ווייסע שטרייפען וואלקען. א יאסטרעב איז דורכגעפלויגען הויך איבער דעם ווייטען וואלד, ניט געאיילט פאכענדיג מיט דיא פליגלען. פון יענער זייט טייכעל האט זיך געלאזט הערען דער קו־קו.

— וויא גוט, הא! שוין דער קו־קו — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש ארויסקומענדיג פון הינטער'ן קוסט.

— יא. איך הער — האט געענטפערט לעווין און איז געוועזן אליין אונצופריעדען פון זיך וואס מיט זיין אונאנגענעהמען קול שטערט ער דיא שטילקייט.

סטעפאן ארקאדיעוויטשעס פיגור איז ווידער פערגאנגען הינטער'ן קוסט, און לעווין האט בלויז געזעהען דעם בליציגען פייער פון שוועבעלע, וועלכער האט זיך באלד פערביטען אויף דער רויטער קויל פון פאפיראס און אויף דעם בלויען רויכעל.

— און וואס איז דאס פאר א געשריי — האט א פרעג געטאהן אבלאנסקי, ציהענדיג לעווינס אויפמערקזאמקייט אויף א לאנגען הוקען, וויא דאס וואלט שטיפענדיג געהירזשעט א לאשעקעל מיט א דינער שטימע.

— א, דאס ווייסט דוא ניט? — דאס איז דאך אן ער־האז. אט וועט ער ריידען! הער, ער פליהט! — האט כמעט א געשריי געטאהן לעווין אנשטעלענדיג דעם ביקס.

עס האט זיך דערהערט א ווייטער, דינער פייף און, גלייך, מיט דעם געוועהנליכען טאקט, וועלכער איז אזוי בעקאנט דעם יעגער, אין צוויי זעקונדען ארום רער צווייטער, דריטער, און נאך דעם דריטען פייף האט זיך שוין געהערט א כארכלען.

לעווין האָט אַ וואָרף געטאָהן אַ בליק רעכטס, לינקס; אויף דעם מוטנעבלויען הימעל, איבער דיא צונויפגעגאָסענע דינע שפּיצען פון דיא בוימער האָט זיך בעוויזען אַ פליהענדער פויגעל. ער איז געפלויגען גלייך אויף איהם; עס האָט זיך שוין געזעהען דער לאַנגער שנאָבעל און דיא האַלז פון׳ם פויגעל, און אין דער מינוט וויא לעווין האָט זיך צוגעציעלט, האָט פון הינטער׳ן קוסט, וואו אבלאָנסקי איז געשטאַנען, אַ בלאַנק געטאָהן אַ רויטער בליץ; דער פויגעל האָט זיך אראָבגעלאָזען, וויא אַ פייל, און האָט זיך אַ לאָז געטאָהן ווידער ארויף. ווידער האָט אַ בליץ געטאָהן, און עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ; און טרויסלענדיג מיט דיא פליגלען, אזוי וויא ווען ער וואָלט זיך אויפהאַלטען אין לופטען, איז דער פויגעל געבליבען שטעהן אַ מאָמענט און האָט באַלד שווער אַ פאַל געטאָהן צו דיא זומפּיגע ערד.

— קאָן דאָס זיין, אַז ניט געטראָפען? — האָט אַ געשריי געטאָהן סטעפאַן ארקאַדיעוויטש, וועלכער האָט איבער׳ן רויך ניט געקאָנט זעהען.

— אָט איז ער! — האָט געזאָגט לעווין, אָנווייזענדיג אויף לאַסקאַ, וועלכע האָט, מאַכענדיג מיט׳ן ברעג פון פוכיגען עק, מיט שטילע טריט וויא וועלענדיג לייגגער הנאה האָבען, צוגעטראָגען דעם דערשאָסענעם פויגעל צום בעל־הבית — נו, עס פרעהט מיך, וואָס דיר האָט זיך איינגעגעבען — האָט געזאָגט לעווין און האָט שוין געפיהלט אַ מין קנאה, וואָס ניט איהם איז געלונגען דערשיסען דעם וואַלדשנעפּ.

— אַ שלעכטער פעהלער פון רעכטען ביקס־רעהר — האָט געענטפערט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש אָנלאָדענדיג דעם ביקס — ששש.... ס׳פליהט.

און ווירקליך, עס האָבען זיך דערהערט שניידענדע, שנעל איינע נאָך דיא אַנדערע פאָלגענדע פייפען. צוויי וואַלדשנעפּען, שפּיעלענדיג און אָניאָגענדיג איינער דעם אנדערען, זיינען אָנגעפלויגען אויף דיא סאַמע קעפּ פון דיא יעגער. עס האָבען זיך דערהערט פיער שוסען, און דיא וואַלדשנעפּען האָבען זיך שנעל געגעבען אַ קירעווע, וויא שוואַלבען, און זיינען פערשוואונדען.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס געיעג איז געוועזען פּראַכטפול. סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט דערשאָסען נאָך צוויי שטיק און לעווין צוויי, פון וועלכע ער האָט איינעם ניט געפונען. עס האָט שוין אָנגעהויבען דונקעל צו ווערן. נידריג אין מערב־זייט האָט שוין געשיינט פון הינטער די בעריאָזעס דיא קלאָהרע, זילבערנע וועגוס מיט איהר צאַרטען גלאַנץ, און הויך אין מזרח זייט האָט זיך שוין איבערגעגאָסען מיט זיינע רויטע פייערען דער טרויעריגער ארקטורוס. איבער זיין קאָפּ האָט לעווין געכאַפּט מיט׳ן אויג און פערלאָרען דיא שטערן, וועלכע האָבען דעם נאָמען „דער גרויסער בער.“ דיא וואַלדשנעפּען האָבען שוין אויפגעהערט צו פליהען; אָבער לעווין האָט בעשלאָסען נאָך צו וואַרטען ביז וואַנען וועגוס וועט אויפגעהן העכער און ווען עס וועלען זיך זעהען קלאָהר דיא שטערן פון דעם „גרויסען בער.“

— צו ניט צייט שוין? — האָט געזאָגט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש.

אין וואַלד איז שוין געוועזען שטיל און קיין איין פויגעל האָט זיך ניט געריהרט.

— וויא דוא ווילסט.

זיי זיינען געשטאנען איצט א טריט פונפצעהן איינער פון צווייטען.

— סטיווא ! — האט פלוצלונג אונערווארטעט געזאגט לעווין — פאר וואס זשע זאגסט דוא מיר ניט, האט דיין שוועגערין שוין חתונה געהאט אדער געהט זיא חתונה האבען ?

— ניט זיא האט געדיינקט און ניט זיא דיינקט איצט חתונה צו האבען, זיא איז זעהר קראנק און דיא דאקטוירים האבען זיא געשיקט קיין אויסלאנד ; מען האט זאגאר מורא, אז אידר לעבען איז אין געפאהר.

— וואס רעדסט דוא — האט אויסגעשריען לעווין — אזוי קראנק ? וואס איז איהר ? וואס מאכט זיא איצט...

אין דער צייט וואס זיי האבען אזוי גערעדט, האט לאסקא, אנשטעלענדיג דיא אויערען, אומגעקוקט **זיך ארויף צום הימעל און** האט מיט פארוואורף גע־קוקט אויף זיי.

„געפונען א צייט צו שמועסען — האט זיא געטראכט — און ער פליהט... אט איז ער. זיי וועלען פערשפעטיגען..." — האט געטראכט לאסקא.

אבער אין דעמזעלבען אויגענבליק האבען זיי ביידע פלוצלונג דערהערט א שניידענדען פייף, וועלכער האט זיי וויא א שמיץ געטאהן איבער'ן אויער, און ביידע האבען זיך פלוצלונג א כאפ געטאהן פאר דיא ביקסען, און צוויי בליצען האבען א בלאנק געטאהן און צוויי קנאלען האבען זיך דערהערט אין דעמזעלבען אויגענבליק. דער הויך־פליהענדער וואלד־שנעפ האט צונויפגעלייגט דיא פליגלען און איז גלייך אראבגעפאלען אין דיא געדיכטע קוסטעס.

—אט דאס איז פראכטפול ! געמיינזאם !—האט א געשריי געטאהן לעווין און איז אוועקגעלאפען מיט לאסקא אין דיא קוסטעס אבצוזוכען דעם וואלד־שנעפ. „אך, יא, וועגען וואס איז דאס אזוי אונאנגענעהם געוועזן ? — האט ער זיך דערמאנט — יא, קיטי איז קראנק... וואס זשע זאל מען טאהן, זעהר טרויע־ריג," האט ער געטראכט.

— א, געפונען ! אט איז א חכמניות — האט ער געזאגט, ארויסנעהמענדיג פון לאסקאס מויל דעם ווארעמען פויגעל און ארייגלעגענדיג איהם אין זיין פולען יאגד־טאש — געפונען, סטיווא !— האט ער א געשריי געטאהן.

## .16

אומקעהרענדיג זיך צוריק אהיים, האט לעווין אויסגעפרעגט אלע איינ־צעלהייטען וועגען קיטים קראנקהייט, וועגען דיא פלענער פון דיא שטשערבאצקים און אבוואהל זיין געוויסען האט איהם ניט געלאזען זיך מודה זיין דעריין, איז איהם געוועזן אנגענעהם פון דאס, וואס ער האט זיך דערוואוסט. אנגענעהם איז דאס איהם געוועזן דערפאר, וואס עס האט זיך געוויזען אז עס איז פאר איהם נאך

פאראן א האפענונג, און נאך אנגענעהמער דערפון, וואס איהר האט וועה געטאהן, איהר, וועלכע האט איהם וועה געטאהן. נור ווען סטעפאן ארקאדיעוויטש האט אנגעהויבען ריידען וועגען דיא אורזאכען פון קיטי'ס קראנקהייט און האט דערמאנט ווראנסקיס נאמען, האט לעווין איהם איבערגעשלאגען:

— איך האב קיין רעכט ניט צו וויסען קיין פאמיליען-איינצעלהייטען, און דעם אמת זאגענדיג אויך קיין אינטערעס ניט.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט א שמייכעל געטאהן קוים בעמערקבאר, האט באלד א כאפ געטאהן דיא שנעלע ענדערונג אין לעווינס פנים, וועלכער איז געווארען פונקט אזוי טרויעריג, וויא פרעהליך ער איז געווען מיט א מינוט פריהער.

— דוא האסט שוין אין גאנצען געענדיגט מיט ריאבינינען וועגען דעם וואלד? — האט לעווין א פרעג געטאהן.

— יא, געענדיגט. א גוטער פרייז, אכט און דרייסיג טויזענד. אכט טויזענד פאראויס, און דיא איבעריגע אויף זעקס יאהר. איך האב זיך לאנג געעסק'ט וועגען דעם, מעהר גיט קיינער ניט.

— דאס הייסט, אז דוא האסט אבגעגעבען דעם וואלד אומזיסט — האט טרויעריג געזאגט לעווין.

— דאס הייסט וויא אזוי אומזיסט? — האט מיט א גוטהארציגען שמייכעל געפרעגט סטעפאן ארקאדיעוויטש, וויסענדיג, אז איצט וועט שוין לעווינען אלעס אויסווייזען זיך ניט גוט.

— דערפאר ווייל דער וואלד איז ווערטה לכל-הפחות פינף הונדערט רובעל א דעסיאטנע — האט געענטפערט לעווין.

— אך, איהר דארפישע בעלי-בתים! — האט שפאסהאפט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — דאס איז אייער טאן פון פעראכטונג פאר אונזערע שטאדט-מענשען!... אבער וויא עס קומט געשעפט צו מאכען, וועלען מיר עס מאכען בעסער פון אלעמען. גלויב מיר, איך האב אלעס אויסגערעכענט — האט ער געזאגט — און דער וואלד איז זעהר פארטהיילהאפט פערקויפט געווארען, אז איך האב אפילו מורא, אז יענער זאל ניט חרטה האבען.

— איך וועל זיך ניט נעהמען לערנען דיא זאכען, דוא שרייבסט דארט אין קאנצעלאריע — האט לעווין געזאגט — און אויב איך וועל וואס דארפען אין אזא אנגעלעגענהייט וועל איך ביי דיר פרעגען. און דוא רעדסט אזוי זיכער און מיינסט, אז דוא פארשטעהסט עפעס וועגען וועלדער. דאס איז ניט קיין לייכטע זאך צו וויסען. האסט דוא געצעהלט דיא בוימער?

— וויא צעהלט מען בוימער? — האט לאכענדיג געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש, אלץ וועלענדיג מאכען לעווינען פרעהליכער געשטימט — צעהלען זעמדעלעך, דיא שטראהלען פון שטערן, דאס וואלט אפילו אפשר א גרויסער מח געקאנט...

— נו, יא, און ריאבינינס גרויסער מח קאן. קיין איין סוחר וועט ניט קויפען ניט געצעהלטערהייט, אויב מען וועט איהם ניט אוועקגעבען אומזיסט, וויא דו האסט געטהאן. איך קען דיין וואלד. איך געה דארט יעדען יאהר אויף געיעג,

און דיין וואלד איז ווערטה פינף הונדערט רובעל א דעסיאטינע באהרעס געלד, און ער גיט דיר צוויי הונדערט און נאך אויף אויסצאהלען. ד. ה. דו האסט איהם געשיינקט דרייסיג טויזענד.

— נו, גענוג דיר אזוי בעצויבערט זיין, פאר וואס־זשע וויל קיינער ניט געבען אזוי פיעל?

— דערפאר, ווייל ביי איהם איז אן אבמאך מיט דיא אנדערע סוחרים; ער האט זיי געגעבען אבטרעט־געלד. איך קען זיי, איך האב מיט זיי אלעמען געהאנדעלט. דאס זיינען דאך ניט קיין סוחרים, דאס זיינען געלד־צאפער.

— גענוג דיר! דו ביסט שלעכט אויפגעלייגט.

— עס הויבט זיך ניט אן — האט טרויעריג געענטפערט לעווין, ווען זיי זיינען שיין צוגעפאהרען צום הויז.

ביים צופאהר איז שוין געשטאנען א פוהרעל בעצויגען מיט בלעך און לעדער איז א פעסט געשפאנטער זאטער פערד. אין פוהרעל איז געזעסען א בלוט־אנגעגאסענער און פעסט אונטערגעגארטעלטער פריקאזשטשיק, וועלכער האט געדיענט אויך אלס קוטשער ביי ריאבינין. ריאבינין אליין איז שוין געוועזן אין הויז און ער האט בעגעגענט דיא צוויי פריינד אין פאדער־צימער.

ריאבינין איז געוועזן א הויכער, מאגערער מענש פון מיטעלע יאהרען, מיט וואנצעס, מיט א גלאט ראזירטע מארדע און מיט גרויסע מוטנע אויגען. אנגעטהאן איז ער געוועזן אין א לאנגען בלויען ראק, מיט קנעפלעך נידריגער פון סטאן, מיט הויכע, געקנייטשטע שטיוועל, אויף וועלכע עס זיינען געוועזן אנגעטהאן קאלאשען. ער האט קיילעכיג ארומגעווישט זיין פנים מיט דער פאטשיילקע, האט פערשפיעלעט דעם ראק, וועלכער איז אזוי אויך געלעגען גוט און האט מיט א שמייכעל בעגריסט דיא אריינקומענדע, געבענדיג סטעפאן ארקאדיעוויטשען דיא האנד אויף אן אופן, וויא ער וואלט מיט איהר וועלען כאפען וואס:

— און אט זייט איהר אויך געקומען צופאהרען — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש דערלאנגענדיג איהם דיא האנד — דאס איז שעהן!

— איך האב ניט געוואגט ניט צו פאלגען אייער בעפעהל, דורכלויכט, אבוואהל דער וועג איז זעהר שלעכט. אבסאלוט דעם גאנצען וועג געגאנגען צו פוס, אבער ערשיענען אין דער צייט. קאנסטאנטין דמיטרימיש, איך האב דיא עהרע — האט ער זיך א ווענד געטהאן צו לעווינען, וועלענדיג אנכאפען זיין האנד. אבער לעווין, א פערוואלקענטער, האט זיך געמאכט וויא ער וואלט דאס ניט באמערקען, און האט ארויסגענומען זיינע וואלדשנעפען — איהר האט זיך גענומען א תענוג אויף יאגד צו געהן? און וואס ווערט דאס זיין פאר א מין פויגעל? — האט גערעדט ריאבינין, קוקענדיג מיט עקעל אויף דיא וואלדשנעפען: — יא, איהר האט, הייסט עס, א געשמאק.

— ווילסט אריין אין קאבינעט? — האט לעווין א פרעג געטהאן אבלאנסקי'ן אויף פראנצויזיש — געהט אריין אין קאבינעט און רעדט זיך דארט דורך.

— מען קאן זעהר, וואהין איהר ווילט — האט געזאגט ריאבינין, ווע־

לענדיג ווייזען, אז פאר אנדערע קאָן זיין אַ שווערע זאַך וויא מיט ווענען צו פערהאַלטען זיך, אָבער ניט פאר איהם.

אריינגעהענדיג אין קאַבינעט, האָט ריאַבינין אויס געוועהנהייט אומגע־קוקט זיך וואו עס געפינען זיך דיא הייליגע בילדער, אָבער ניט געפינענדיג קיינע, האָט ער זיך ניט איבערגע׳צלמ׳ט. ער האָט בעקוקט דיא שאַפעס מיט דיא פאָליצעס מיט ביכער מיט דעם זעלבען שמייכעל וויא ער האָט בעקוקט דיא וואַלדשנעפּען, האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, ניט צולאָזענדיג, אַז דאָס קאָן עפּעס אויך האָבען אַ װעלכען ניט איז ווערטה.

— נו, וויא, האָט איהר געבראַכט דאָס געלד ? — האָט אַ פרעג געטהאָן אָבלאָנסקי — זיצט.

— פון געלד וועט קייז מניעה ניט זיין. מען דאַרף זיך דורכריידען.

— וועגען וואָס זשע האָבען מיר צו ריידען. זעצט זיך דאָך.

— דאָס קאָן מען שוין — האָט געזאָגט ריאַבינין און האָט זיך געזעצט אין זעהר אַן אומבעקוועמער לאַגע פאר איהם און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטוהל — איהר דאַרפט עפּעס נאָכלאָזען, פירסט. עס וועט זיין אַ עבירה אויב ניט. און געלד איז פאַראַן אין גאַנצען ביז איין קאָפּיקע. פון געלד וועט קיין מניעה ניט זיין.

לעווין, וועלכער האָט אין דער צייט אריינגעשטעלט דעם ביקס אין שאַפע, האָט שוין געוואָלט ארויסגעהן פון טהיר, נור דערהערענדיג דעם סוחר׳ס ווערטער, האָט ער זיך אָבגעשטעלט.

— איהר האָט אַזוי אויך דעם וואַלד בעקומען אומזיסט — האָט ער געזאָגט — ער איז צו מיר צו שפּעט געקומען צו פאָהרען, ווען ניט וואָלט איך ניט צוגעלאָזען; איך וואָלט געשטעלט דעם פּרייז.

ריאַבינין האָט זיך אויפגעהויבען און מיט אַ שווייגענדיגען שמייכעל האָט ער בעקוקט לעווינען פון אונטען ארויף.

— איהר זייט צו קאַרג, קאָנסטאַנטין דמיטריטש — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל ווענדענדיג זיך צו סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש — מען קאָן קיין זאַך לחלוטין ניט קויפען ביי אייך. איך האָב זיך געדונגען מיט אייך וועגען דיא ווייץ, האָב אייך געוואָלט געבען גוט געלד.

— צו וואָס זאָל איך אייך מיינס אַוועקגעבען אומזיסט ? דאָס איז דאָך ניט קיין געפונענע ביי מיר און ניט קיין גע׳גנב׳עטע.

— ערלויבט נור, היינטיגע צייטען גנב׳ענען קאָן מען שוין גאָר ניט. מיר האָבען גערעדט לויט עהרע. טהייער בעטען זיי פאר׳ן וואַלד, עס קומט דער חשבון ניט אויס. איך בעט נור אביסעל אָבלאָזען.

— איז ביי אייך דער מסחור געשלאָסען אָדער ניט? אויב געשלאָסען איז ניטאָ וואָס צו דינגען זיך, און אויב ניט, דאן קויף איך אליין דעם וואַלד פאר זיך — האָט געזאָגט לעווין.

פון ריאַבינינס פנים איז פּלוצלינג פערשוואונדען דער שמייכעל. אַ רויב־פויגעלשער און אכזרישער אויסדרוק האָט זיך געוויזען אויף זיין געזיכט. ער האָט שנעל, מיט זיינעביינערדיגע פינגער, אָבגעשפּילעט דעם ראָק, עס האָט

זיך צועפענט זיין העמד, דיא וועסט מיט מעשענע קנעפ און מיט דער קייטע פון זייגער און ער האט שנעל ארויסגענומען דעם דיקען, אלטען טייסטער איבער'צלם'ענדיג זיך און אויסציהענדיג זיין האנד — נעהמט דאס געלד, דער וואלד איז מיינער. אט אזוי האנדעלט ריאבינין, או ניט גראשענס צעהלען.

— איך אויף דיין פלאץ וואלט זיך ניט געאיילט — האט געזאגט לעווין.

— ערלויב נור — האט א פערוואונדערטער געזאגט אבלאנסקי, איך האב דאך געגעבען א ווארט.

לעווין איז ארויס פון צימער, א קלאפ טהאנ'דיג מיט דער טהיר. או ריאבינין האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, קוקענדיג אויף דער טהיר.

— דאס איז אלץ פון יונגקייט, דורכאויס אינגעלש און ווייטער ניט. איך קויף דאך, גלויבט מיר אויף נאמנות, מעהר ניט פון באריהמונג וועגען, או ריאבינין און ניט קיין אנדערער האט אבגעקויפט דעם וועלדעל ביי דיא אבלאנסקים. און וויים גאט, וויא דער חשבון וועט נאך אויסטראגען. איך שווער אייך געפעליגסט, אן אבמאך שרייבען . . .

אין א שטונדע ארום האט דער סוחר מיט דעם קאנטראקט אין בוזים ארייננעזעצט זיך אין זיין פעסט געשמידטער פוהרעל און איז אוועקגעפאהרען א היים.

— אך, דיא דאזיגע פריצים ! -- האט ער געזאגט צום פריקאזשטשיק.

— אזוי זיינען זיי — האט געענטפערט דער פריקאזשטשיק, איבערגעבענדיג איהם דיא לייצעס און פערשפילענדיג דעם לעדערנעם פארטוך — און וויא איז מיט דעם מסחר, מיכאאיל איגנאטיטש ?

— נו, נו . . .

## 17.

סטעפאן ארקאדיעוויטש, מיט אן אנגעשטאפטע טאש מיט בילעטען, וועלכע דער סוחר האט איהם בעצאהלט פאר דריי מאנאט פאראויס, איז ארויף אויבען. דאס געשעפט מיט'ן וואלד איז געווען געענדיגט, דאס געלד אין קעשענע, דאס געיעג איז געווען פראכטפאל און סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געווען זעהר גוט אויפגעלייגט, און דארום האט זיך איהם בעזאנדערנס געוואלט מאכען לעווינען פרעהליכער. ער האט געוואלט ענדיגען דעם טאג ביים אבענדברויט אויף אזוי אנגענעהם, וויא דער טאג איז פערבראכט געווארען.

לעווין איז ווירקליך געווען שלעכט אויפגעלייגט, און ניט קוקענדיג אויף זיין גאנצען פערלאנג צו זיין זאנפט און ליעבליך מיט זיין ליעבען גאסט, האט ער זיך אבער דאך ניט געקאנט איבערוועלטיגען. דיא בערוישונג פון דער נאכריכט, אז קיטי האט ניט חתונה געהאט, האט איהם אנגעהויבען צו צונעהמען.

קיטי איז נאך אונפערהייראט און איז קראנק, איז קראנק אוים ליעבע

צו א מעושען, יועלהער האט זיך אום איהר ניט געקימערט. דיזע בעליידיגונג איז געוועזען וויא א בעליידיגונג פאר איהם. ווראנסקי האט זיך אום איהר ניט געקיכערט, און זיא קימערט זיך ניט אום איהם, אום לעווינען. ער האט אונקלאהר געפיהלט, אז דעריין איז עפעס א בעליידיגונג פאר איהם, און ער איז איצט ניט בייז געוועזען אויף דער אורזאכע, וועלכע האט איהם געבראכט אין אזא טרויעריגע שטימונג, נור ער האט זיך געבונדרען צו אלעס, וואס איז איהם געקומען אונטער דער האנד. איהם האט געערגערט דער נארישער מסחר מיט דעם וואלד, דיא אבנארעריי, אין וועלכער אבלאנסקי איז אריינגעפאלען און וואס עס האט זיך אבגעשפיעלט אין זיין הויז.

— נו, געענדיגט ? — האט ער געזאגט בעגעגענענדיג סטעפאן ארקאדיעוויטשען — ווילסט דו עסען אבענדברויט ?

— יא, איך וועל זיך ניט ענטזאגען. וואס פאר אן אפעטיט ביי מיר ערוועקט זיך אין דארף, א וואונדער! פאר וואס־זשע האסט דו ניט פארגעשלאגען ריאבינין אבצועסען ?

— א, כאפט איהם דער טייפעל ! — האט געזאגט לעווין.

— דו האסט איהם דאך אפילו דיא האנד ניט דערלאנגט. וויא מאדנע דו באגעהסט זיך מיט איהם! פאר וואס ניט געבען איהם דיא האנד ?

— דערפאר, ווייל קיין לאקיי וועל איך דיא האנד ניט דערלאנגען און א לאקיי איז הונדערט מאהל בעסער פון איהם.

— וואס פאר א ריקשריטליכער מענש דו ביסט ! און דיא פערשמעלצונג פון קלאסען ! — האט געזאגט אבלאנסקי.

— ווען עס איז אנגענעהם צו פארשמעלצען זיך — געזונדערהייט, און מיר איז דאס עקעלהאפט.

— וויא איך זעה ביסט דו אבסאלוט א ריקשריטלער.

— איך האב קיין מאהל ווירקליך ניט א טראכט געטהאן, ווער איך בין. איך בין קאנסטאנטין לעווין, און ווייטער קיין זאך ניט.

— און אזא קאנסטאנטין לעווין, וועלכער איז זעהר ניט אויפגעלייגט — האט שמייכלענדיג געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— יא, איך בין ניט אויפגעלייגט און דוא ווייסט איבער וואס? איבער דיין נארישען מסחר, ענטשולדיג מיר . . .

— נו, גענוג דיר. האט דען שוין ווען געטראפען, אז אימיצער זאל עפעס פערקויפען און מען זאל איהם גלייך נאך'ן מסחר ניט זאגען: „דאס איז ווערטה פיעל מעהר"? און וויא לאנג מען זוכט צו פערקויפען, גיט קיינער ניט מעהר . . . ניין, איך זעה, אז דו ביסט עפעס אנגעשטויסען געגען דעם דאזיגען אונגליקליכען ריאבינין.

— עס קאן זיין. און ווייסטו פארוואס ? דוא וועסט דאך ווידער זאגען, ווייל איך בין ריקגעשריטען אדער עפעס אן אנדער שרעקליכעןווארט. אבער פון דעסטוועגען איז מיר א פערדרוס צוצוקוקען, וויא פון אלע זייטען ארום מיר קומט פאר דיא פערארמונג פון דעם אדעל, צו וועלכען איך בעלאנג, און ניט קוקענדיג אויף קיין פערשמעלצונג פון שטענדע, בין איך גערן, וואס איך בעלאנג

צו דעם דאָזיגען שטאַנד... און דיא פעראַרמונג קומט ניט פאַר איבער פערשווענ־דערישען לוקסוס. דאס וואָלט נאָך ניט אויסמאכען. לעבען אויף א פריצישען אופן — דאס איז דיא זאַך פון דעם אדעל, דאס קאָנען בלויז פריצים. איצט קויפען דיא פויערים אויף ערד ארום אונז, דאס פערדריסט מיר ניט. דער פריץ טהוט גאָרנישט, דער פויער ארבייט און שטופט ארויס דעם פריץ, דעם ליידיגגעהער. אזוי דארף זיין. און עס פרעהט מיך זעהר פאר דעם פויער. אָבער עס פערדריסט מיך צו זעהען דיא דאָזיגע פעראָרעמונג וואס קומט פאָר גאָר ניט שולדיגערהייט. א האט אן ארענדאטאָר, א פּאָלאַק, אָבגעקויפט א פראכטפאָלען מאיאָנטאָק פאַר א העלפט געלד, ביי א פריצתטע, וועלכע וואָהנט אין ניצצא. דאָרט פאַררענט מען צו א הענדלער פאר א רובעל א דעסיאטינע ערד, וועלכע איז ווערטה צעהן רובעל. און דו נעהמסט און שיינקסט אוועק דעם דאָזיגען פלוט אָהן וועלכער ניט איז אורזאַכע גאנצע דרייסיג טויזענד.

— וויא זשע זאָל זיין? צעהלען יעדען בוים?

— גענויס צעהלען. דו האָסט ניט געצעהלט, און ריאבינין האט געצעהלט. ריאבינינס קינדער וועלען האָבען מיטלען צום לעבען און צו בילדען זיך, און דיינע קינדער וועלען דאס ניט האבען.

— נו, זאָלסט מיר פערצייהען, אין דעם דאָזיגען צעהלען, יעדער זאַך איז עפּעס פאראן ארעמעס, קליינליכעס, מיר האבען אונזערע בעשעפטיגונגען, און זיי האבען זייערע און זיי דארפען האָבען ריוח. און צוריק, עס איז דאָך שוין פערפאלען, דאס געשעפט געשלאָסען און א סוף. א, און אָט איז מיין קוקערקע אגאפיא מיכאילאָוונא, וועט איהר אונז געבען פון די וואונדערליכע מאכלים'לעך?

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט זיך געזעצט צום טיש און האט אָנגעהויבען טרייבען שפּאס מיט אגאפיא מיכאילאָוונא, פערזיכערענדיג זיא, אז אזעלכע גוטע מאכלים האָט ער שוין לאנג ניט געגעסען.

—איהר לויבט לכל הפחות — האָט געזאגט אגאפיא מיכאילאָוונא — און קאָנסטאנטין דמיטריש, וואס מען זאָל איהם ניט דערלאנגען אויפ'ן טיש, אפילו א שטיקעל טריקענער ברויט, מאכט איהם ניט אויס, אָבגעגעסען און אויס.

וויא לעווין זאָט ניט געזוכט צו איבערוועלטיגען זיך, איז ער דאָך געבליעבען מרה'שחורה'דיג און האט געשוויגען. ער האט געהאט בלויז איין פראגע צו שטעלען סטעפאן ארקאדיעוויטש'ן, אָבער ער האט זיך ניט געקאנט ענטשליסען און האט ניט געפונען ניט דיא פאָרם און ניט דיא צייט וויא און ווען דיא פראגע צו שטעלען.

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז שוין אראָבגעגאנגען אונטען אין זיין צימער, האָט זיך אויסגעטאָהן, האט זיך ווידער איינגעוואשען, אָנגעטאָהן שוין זיין נאכט־העמד און שוין געלעגט זיך, ווען לעווין איז נאָך אלץ געזעסען ביי איהם אין צימער און האט זיך ניט געאיילט ארויסצוגעהען, ריידענדיג וועגען אלערליי קלייניגקייטען און דאָך ניט האבענדיג דיא קראפט צו פרעגען וואס ער האָט געוואלט.

— וויא וואונדערליך זיי מאכען איצט זייף — האָט ער געזאָגט אומקוקענדיג זיך און צופענענדיג א פערוויקעלטען שטיקעל שמעקעדיגע זייף, וואס אגאפיא מיכאילאוונא האָט אָנגעגרייט פאר אבלאנסקי'ן, נור וועלכע ער

ראָט ניט געברויכט — דאָס איז דאָך אַ קונסט־פּראָדוקט, גיב אַ קוק.

— יאָ, זיי פערפאָלקאָמענען זיך אין אַלעס איצט — האָט געענטפערט אָבלאָנסקי געגענעצענדיג מיט געשמאַק —טהעאַטער, צ. ב. ש. און דיא אַמוזירונגס־פּלעצער... אַ־אַ־אַ־אַ! — האָט ער געגענעצט — עלעקטרישע בעלייכטונג, אַ־אַ־אַ!...

— יאָ, עלעקטרישע בעלייכטונג — האָט געזאָגט לעווין — יאָ... נו און וואו איז איצט ווראָנסקי? — האָט ער אַ פרעג געטאָהן פּלוצלונג.

— ווראָנסקי? ער איז אין פּעטערבורג. ער איז אוועקגעפאָהרען באַלד נאָך דיר, און פון דאַן אָן איז ער נאָך קיין איין מאָהל ניט געווען מעהר אין מאָסקווע. ווייסט דו, קאָסטיאַ, איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, דו ביסט אַליין געוועזן שולדיג. דו האָסט זיך דערשראָקען פאַר דיין קאָנקורענט. און איך האָב דיר נאָך דעמאָלט געזאָגט, איך ווייס ניט אויף וועמעס זייט זיינען געווען מעהר שאַנסען. פאַר וואָס האָסט דו ניט גענומען מיט שטורעם? איך האָב דיר אָן געזאָגט... אויב עס איז געוועזן וואָס פון איהר זייט דעמאָלט, איז דאָס געוועזן אַ פאַרבלענדונג פון זיינע אויסערליכע בענעהמונגען. דו ווייסט דאָך, דער פאָלקאָמענער אריסטאָקראַטיזם, דיא צוקינפטיגע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט האָבען געווירקט. אָבער ניט אויף איהר, אויף דער מוטער.

לעווין האָט זיך אָנגעבלאָזען.

— וואַרט, וואַרט — האָט ער אַ זאָג געטאָהן, איבערשלאָגענדיג אָבלאָנסקין — דו זאָגסט: אריסטאָקראַטיזם. ערלויב מיר אַ פרעג צו טאָהן, אין וואָס צום ביישפּיעל באַשטעהט ווראָנסקי'ס אריסטאָקראַטיזם אָדער וועמעס ניט איז, אַז מען זאָל איבער איהם קאָנען אוועקמאַכען מיך אונטער דער האַנד? דו האַלסט ווראָנסקי'ן פאַר אַן אריסטאָקראַט און מיך ניט. אַ מענש, וועמעס פאַטער איז ארויסגעקראָכען פון גאָרנישט און האָט זיך ארויפגעאַרבייט, ווייל ער איז געווען אַ קריכער, וועמעס מוטער האָט געהאַט פערבינדונגען גאָט ווייס מיט וועמען ניט.... ניין, דו האָב אויף מיר קיין פאַריבעל ניט; נור איך רעכען פאַר אַן אריסטאָקראַט זיך און אַזעלכע מענשען וויא איך, וועלכע קאָנען אין זייער פּערגאַנגענהייט אָנווייזען אויף דריי פיער דורות פון עהרליכע משפחות, וועלכע האָבען געהאַט דיא העכסטע מדרגה בילדונג, און וועלכע עס זיינען קיין געמיינהייטען ניט בעגאַנגען, האָבען זיך אין קיינעמ'ס טובות ניט גענויטיגט, אַזוי וויא עס האָבען געלעבט מיין טאַטע און מיין זיידע. מיר זיינען דיא אריסטאָקראַטען, און ניט יענע, וועלכע קאָנען עקזיסטירען בלויז, ווייל זיי בעקומען גנעדיגע געשאַנקען פון דיא מעכטיגע פון אונזער וועלט און וועמען מען קאָן אָבקויפען פאַר אַ צוואַנציג־קאָפּיקענע מטבעה.

— אָבער אויף וועמען ביסט דו אין כעס? איך בין מיט דיר איינפערשטאַנען — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש אויפריכטיג און פרעהלאַך, אָבוואָהל ער האָט געפיהלט, אַז צווישען דיא, וואָס מען קאָן אונטערקויפען מיט אַ צוואַנציג־קאָפּיקענעם, האָט ער אויך איהם געמיינט — אויף וועמען ביסט דו אַזוי בייז? איך שטים אפשר ניט מיט אַלעס איין, וואָס דו האָסט געזאָגט וועגען ווראָנסקי, אָבער מיר ריידען דאָך ניט דערפון. איך וויל דיר נור זאָגען, אַז

איך אויף דיין פּלאַץ, וואָלט גלייך, מיט מיר טאקע, א פּאָהר געטאָהן איצט קיין מאָסקווא און...

— ניין, איך ווייס ניט, אויב דוא ווייסט אָדער ניט, אָבער מיר איז אלץ איינס און איך וועל דיר זאָגעז : איך האָב געמאַכט א פאָרשלאַג און בעקומען אן ענטזאַגונג און קאטערינא אַלעקסאַנדראָוונא איז פאַר מיר איצט בלויז א שווערע און שענדליכע עראינערונג.

— פארוואָס ? וועלכע נארישקייטען !

— אָבער לאָמיר ניט ריידען — האָט א זאָג געטאָהן לעווין — ענטשול־דיג מיר, אויב איך בין געוועזן גראָב געגען דיר. דוא ביסט דאָך ניט אין כעס, סטיווא ? איך בעט דיר, זיי ניט אין כעס — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיג און אננעהמענדיג זיין האנד.

— אין כעס ? א, ניין, אויף קיין איין האָאר ניט, און ניטאָ גאָר פאַר־וואָס. ווייכט דיא אין־דער־פריהיגע געיעג מוז זיין איצט זעהר גוט. צו זאָלען מיר אפשר ניט א פּאָהר טאָהן. איך וואָלט דערנאָך פון געיעג גלייך צום סטאַנציע און צוריק אהיים.

— ווירקליך גוט.

## 18.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס ווראָנסקי׳ס אינערליכעס לעבען איז אין גאַנ־צען געוועזן פול פון זיין ליידענשאַפט, האָט זיין אויסערליכער לעבען געפליסט אויף דעם אַלטען שטייגער. דיא רעגימענט־אינטערעסען האָבען פערנומען א וויכ־טיגען פּלאַץ אין ווראָנסקיס לעבען, אי דערפאר ווייל ער האָט ליעב געהאט דעם רעגימענט, אי דערפאר וואָס מען האָט איהם ליעב געהאָט אין רעגימענט. אין רעגימענט האָט מען ניט בלויז געליעבט איהם נור אויך רעספּעקטירט און שטאָל־צירט מיט איהם.

זעלבסטפערשטענדליך, אז ער האָט קיינעם פון זיינע חברים ניט דער־צעהלט פון זיין ליעבע, און אפילו אין צייט פון דיא גרעסטע הולאנקעס און זויפונגען (איבעריגענס איז ער קיין מאָהל ניט געוועזן אזוי שיכור, ער זאָל זיך ניט קענען קאָנטראָלירען) האָט ער זיך קיין מאָהל ניט ארויסגערעדט מיט קיין איין זילבע, ניט קוקענדיג דערויף וואָס דיא לייכטזיניגע קאָלעגען האָבען געזוכט פיעל מאָהל מיט אָנדייטונגען ארויסקריגען פון איהם א וואָרט. אָבער ניט קוקענ־דיג דערויף האָט תּונדערסטוועגען גאַנץ שטאָדט געוואוסט פון זיין ליעבע : אלע האָבען מעהר אָדער ווייניגער געטראָפען וועגען זיינע בעציהונגען צו קארענינא. דיא מעהרסטע יונגע לייט האָבען איהם מקנא געווען דוקא פאר דאָס, וואָס איז געוועזן דאָס שווערסטע אין זיין ליעבע —דיא הויכע שטעלונג פון קארענינא אין דער געזעלשאַפט און דארום דיא אויסשטעלונג פון אזא ליעבע אין הויכע־געזעלשאַפט.

# אננא קארענינא

דיא גרעסטע צאָהל פון יונגע פרויען, וועלכע האָבען מקנא געווען אננאַ און וועלכע עס האָט שיין לאנג דערעסען וואָס מען רעכענט זיא פאר אזא אָרדענטליכעס בעשעפענים, האָט זיך געפרעהט און האָבען בלויז געוואַרט אז דיא עפענטליכע מיינינג זאָל זיך א קעהר טאָהן און זאָל פאלען אויף איהר מיט דער גאנצער משא פון דער פעראכטונג פון דער העכערער געזעלשאפט. זיי האָבען שוין אָנגעגרייט יענע שטיקער שמוץ און בלאָטע וואָס זיי וועלען אויף איהר ווארפען. דיא מעהרסטע עלטערע און הויכגעשטעלטע פערזאָנען זיינען געווען זעהר אונצופריעדען פון דעם עפענטליכען סקאנדאל, וועלכער פארפערטיגט זיך.

ווען ווראָנסקים מוטער האָט זיך דערוואוסט וועגען זיינע בעציהונגען איז זיא אנפאנגס געווען צופריעדען — אי דערפאר, ווייל דאָס פאסט זיך פאר א גלענצענדען יונגען מענשען פון הויכער געזעלשאפט, אי דערפאר, וואָס קארענינא, וועלכע האָט אזוי פיעל מיט איהר גערעדט וועגען איהר אינגעלע און זיין ערציהונג, איז אויך געווען בלויז אזוי וויא אלע שעהנע, אנשטענדיגע פרויען, לויט דיא בעגריפע פון גרעפין ווראנסקאיא. אָבער אין דער לעצטער צייט האָט זיא זיך ערקונדיגט, אז איהר זוהן האָט זיך אָבגעזאָגט פון א פאָרשלאג, וואָס איז געווען וויכטיג פאר זיין קאריערע צו שטייגען זעהר הויך, בלויז דערפאר ווייל ער האָט געוואָלט בלייבען דאָרט, וואו ער קען זיך אָפט זעהען מיט קארענינא, אז מיט איהם זיינען זעהר הויכגעשטעלטע פערזאָנען אונצופריעדען איבער דעם, און זיא האָט דארום געביטען איהר מיינונג.

דער עלטערער ברודער איז אויך געווען אונצופריעדען פון דעם יונגערען, ער האָט ניט אריינגעטראכט זיך וואָס דאָס איז פאר א מין ליעבע: א גרויסע ליעבע אָדער א קליינע ליעבע; לײדענשאפטליכע ליעבע אָדער ניט לײדענשאפטליכע, פעסטע ליעבע אָדער שוואכע ליעבע (ער אליין איז שוין געווען א טאטע פון קינדער און פון דעסטוועגען האָט דאָס איהם ניט געשטערט אָנצוהאלטען א טענצערקע אויף נעהאלט) ער האָט אָבער געוואוסט, אז דאָס איז א ליעבע, וואָס געפעלט ניט יענע מענשען, וועמען מען דארף געפעלען זיין און דארום איז ער געיוען געגען דעם ברודערס אויפיהרונג.

א חוץ זיין בעשעפטיגונג אין דינסט און אין געזעלשאפט האָט ווראנסקי געהאט נאָך א בעשעפטיגונג — פערד, אויף וואָס ער איז געווען א לײדענשאפטליכער בעל. אין דעם דאזיגען יאָהר איז געווען באשטימט, עס זאָלען פעראנשטאלטעט ווערען אָפיצערסקע רייסעס. ווראנסקי האָט זיך פערשריבען אלס אנטייל נעהמער, האָט געקייפט אן ענגלישע לייבליכע קליאטשע, און ניט קוקענדיג אויף זיין ליעבע, האָט ער זיך אָבגעגעבען יעצט פיעל מיט פארבערייטונגען צו דיא קומענדע רייסעס.

דיא דאָזיגע צוויי לײדענשאפטען אין איהם האָבען ניט געשטערט איינע דער אנדערער; ער האָט געמוזט האָבען עפעס א בעשעפטיגונג, פון וועלכער ער זאָל קאָנען געפינען אן אָבפרישונג און אָברוה פון דיא איינדריקע, וועלכע האָבען איהם צוטומעלט.

## .19

אין דעם טאָג פון דיא רייסעס איז ווראנסקי געקומען פריהער פון געוועהנליך אין אַלגעמיינעם זאַל פון זיין רעגימענטס קלוב אָבצועסען א ביפסטעק. ער האָט ניט געדאַרפט שטריינג אַרבייטען מיט זיך אום צוצופּאַסען צו דיא רעגעלען פון דיא רייהעס. זיין געוויכט איז געווען אקוראט פיער מיט א האַלבען פונט וויא עס האָט זיך געפאָדערט. ער איז געזעסען מיט א צועפּענטען ראָק אויף זיין ווייסער וועסט, אָנגעלעהנט מיט ביידע הענד אויפ׳ן טיש און האָט געווארט אויף דעם באַשטעלטען ביפסטעק, האָט אַריינגעקוקט דערווייל אין אַ פראַנצויזישען ראָמאַן, געקוקט אין בוך האָט ער בלויז אום אויסצומיידען געשפּרעכען מיט דיא אַריינקומענדע און אַרויסגעהענדע אָפיציערען.

ער האָט געטראַכט איצט וועגען דער בעגעגנים, וואָס אַננאַ האָט איהם פערשפּראָכען אויף נאָך דיא רייסעס. ער האָט זיא שוין אָבער דריי טעג ניט געזעהען, און אַזוי וויא איהר מאַן איז ערשט אָנגעקומען פון אויסלאַנד, האָט ער ניט געוואוסט צו וועט זיא קאָנען האַלטען איהר פאַרשפּרעכען אָדער ניט, און ער האָט אויך ניט געוואוסט וויא דאָס אויסצוגעפינען. דאָס לעצטע מאָהל האָט ער זיך מיט איהם געזעהען אויף דער דאַטשע ביי זיין קוזינע בעטסי. דיא קאַרענינס דאַטשע האָט ער בעזוכט זעהר זעלטען. איצט האָט ער אַהין געוואָלט פאָהרען און האָט אַלץ געטראַכט: „וויא טהוט מען דאָס?“

„נאַטירליך, איך וועל זאָגען, אַז בעטסי האָט מיך געשיקט פרעגען, צו וועט זיא בעזוכען דיא רייסעס. געוויס, איך וועל פאָהרען“ — האָט ער גערעדט צו זיך און בעשלאָסען צו פאָהרען. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון בוך. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם ערוואַרטעטען גליק זיא צו זעהען און זיין פּנים האָט א שיין געטהאָן.

— שיק יאָגען א היים, אַז מען זאָל מיר איינשפּאַנען מיין קאַליאַס מיט אַ דריי־געשפּאַן — האָט ער געזאָגט דעם דיענער, וועלכער האָט איהם דערלאַנגט דעם ביפסטעק, און האָט זיך גענומען עסען.

אין דעם נאָהענטען צימער, וואָס איז געווען דער ביליאַרד צימער, האָבען זיך געהערט דיא קלעפּ פון דיא קוילען, געמישט מיט געלעכטער און הויכע שמועס. פון אַריינגאַנג טהיר זיינען ערשיענען צוויי אָפיצירען. איינער א יונגענקער, מיט א מאָגערען, שוואַכען פּנים, וועלכער איז ניט לאַנג פון פּאַזשען־קאָרפּוס אָנגעקומען אין פּאָלק; דער אַנדערער א פולער, פעטער, אַלטער אָפיצער מיט אַ בראַסלעט אויף דער האַנד און פערשוואָומענע קליינע אויגען.

ווראָנסקי האָט אויף זיי א קוק געטהאָן, האָט זיך אָנגעוואָלקענט, און אַזוי וויא ער וואָלט זיי ניט באַמערקען, האָט ער זיך עסענדיג איינגעקוקט אין בוך, וויא ער וואָלט עסען און לעזען צוזאַמען.

— וואָס, דוא מאַכסט זיך קרעפּטיג צו דער אַרבייט? — האָט געזאָגט

דער פעטער אפיצער, צוזעצענדיג זיך צו איהם.

— זעהסט דאך — האט געענטפערטווראנסקי אנגעוואלקענט, ווישענ־דיג דאס מויל און ניט קוקענדיג אויף איהם.

— און דוא האסט קיין מורא ניט, אז דוא וועסט דיק ווערען ? — האט ער ווידער געפרעגט, צורוקענדיג א שטוהל אויף פאר דעם יונגענקען אפיצער.

— וואס ? — האט בייזלעך א פרעג געטהאן ווראנסקי, מאכענדיג א גרי־מאסע אז איהם עקעלט אב און אויסשטעלענדיג זיינע פעסטע צייהן.

— האסט ניט מורא פעט צו ווערען ?

— דינער, הערסט ! — האט געזאגט ווראנסקי ניט ענטפערענדיג און פער־ליינענדיג א פוס איבער א פוס און האט פארטגעזעצט לעזען.

דער פעטער אפיצער האט א נעהם געטהאן דיא קארטע פון וויינען און האט זיך א ווענד געטהאן צו דעם יונגען אפיצער :

— דוא קלייב אליין אויס, וואס מיר זאלען טרינקען — האט ער צו איהם געזאגט.

— זאל זיין רהיין־וויין — האט געזאגט דער יונגער אפיצער אונענט־שלאסען קוקענדיג אויף ווראנסקין און געזוכט צו כאפען מיט דיא פינגער דיא קוים אנגעוואקסענע וואנציקלעך. זעהענדיג, אז ווראנסקי קעהרט זיך אב, האט זיך דער יונגער אפיצער אויפגעהויבען, זאגענדיג :

— לאמיר געהן אין ביליארד צימער.

דער אנגעבלאזענע אפיצער האט זיך אונטערמעניגליך אויפגעהויבען און זיי זיינען אוועק צו דער טהיר.

אין דער דאזיגער צייט איז אין צימער אריינגעקומען דער הויכער און שטאטנער ראטמייסטער יאשווין און א שאקעל טהאנ'דיג פערעכטליך מיט'ן קאפ דיא צוויי אפיצירען איז ער צוגעגאנגען צו ווראנסקין.

— א, אט איז ער ! — האט ער א געשריי געטהאן, שטארק א קלאפ טהאנ'דיג איהם מיט'ן האנד איבער דעם עפאלעט. ווראנסקי האט זיך בייז אומגעקוקט, זיין פנים האט אבער גלייך אנגענומען זיין רוהיגען און וייכען אויס־דרוק און איז ליכטיגער געווארען.

— קלוג, אליאשא — האט געזאגט דער ראטמייסטער מיט זיין הויכען באריטאן — איצט עס אב און טרינק אויס איין גלעזעל.

— עס ווילט זיך ניט עסען.

— אט זיינען זיי דיא ניט צושיידענע — האט געזאגט יאשווין שפאט האפט קוקענדיג אויף דיא צוויי אפיצירען, וועלכע זיינען אין דער מינוט ארויס פון צימער. און ער האט זיך געזעצט לעבען ווראנסקי — פאר וואס ביזטו נעכטען ניט געווען אין טהעאטער? נומעראווא איז געווען גאר ניט שלעכט! וואו ביסט דוא געווען ?

— איך האב זיך פארזעסען ביי דיא טווערסקי'ס — האט געזאגט ווראנסקי.

— א ! — האט זיך אבגערופען יאשווין.

יאשווין איז געווען א קארטען שפיעלער, א שיכור און ניט בלויז א מענש

אָהן רעגעלען, נור מיט אונמאָראַלישע רעגעלען; יאשווין איז געווען אין רעגימענט ווראָנסקיס בעסטער פריינד. ווראָנסקי האָט רעספּעקטירט און געליעבט יאשווינען בעזאָנדערס דערפאַר, וואָל ער האָט געפיהלט אז יאשווין ליעבט איהם ניט פאַר זיין רייכקייט, נור ליעבט איהם אליין. און פון אלע מענשען וואָלט ווראָנסקי גע־וואָלט מיט איהם אליין בלויז ריידען וועגען זיין ליעבע. איהם האָט זיך געדוכט, אז יאשווין איז דער איינציגער, וועלכער קאָן פאַרשטעהן יענע מעכטיגע ליידענ־שאַפט, וועלכע האָט איצט אָנגעפילט זיין גאַנצעס לעבען, אָבוואָהל יאשווין האָט געהאַסט יעדעס געפיהל.

ווראָנסקי האָט מיט איהם ניט גערעדט וועגען זיין ליעבע, אָבער ער האָט געוואוסט, אז ער וויים אלעס, פאַרשטעהט אלעס און איהם איז אנגענעהם געווען צו זעהען דאָס אין זיינע אויגען.

— א, יא! — האָט ער געזאָגט דערויף, וואָס ווראָנסקי איז געווען ביי דיא טווערסקיס, און אַ בליץ טאָהנ׳דיג מיט זיינע שווארצע אויגען, האָט ער זיך א נעהם געטאָהן פאַר דער לינקער וואנצע און האָט אָנגעהויבען אריינגעהמען זיא אין מויל, וויא עס איז געווען זיין שלעכטע געוואָהנהייט.

— נו, און וואָס האָסט דוא נעכטען געטאָהן? געוואונען? — האָט גע־פרעגט ווראָנסקי.

— אכט טויזענד. אָבער דריי זיינען ניט גוט, עס איז שווער צו גלויבען אז ער זאָל אָבגעבען.

— נו, קאָנסט דוא שוין פאַר מיר פאַרשפּיעלען — האָט געזאָגט ווראָנסקי. (יאשווין האָט זיך געוועט נעמליך אז ווראָנסקי וועט געווינען אין דיא רייסעס.)

— דאָס וועל איך בשום אופן ניט פאַרשפּיעלען. בלויז פאַר דעם איין מאכאטין איז פאַראַן וואָס מורא צו האָבען.

און דאָס געשפּרעך איז אוועק וועגען דיא היינטיגע רייסעס.

— לאָמיר געהן, איך האָב געענדיגט — האָט געזאָגט ווראָנסקי אויפ־שטעהענדיג און געהענדיג צו דער טיהר. יאשווין האָט זיך אויך אויפגעהויבען און האָט צוצויגען זיינע לאַנגע פיס און גרויסע פּלייצע.

— פאַר מיר איז נאָך פריה צו עסען, אָבער אויסטרינקען דאַרף מען. איך וועל גלייך קומען. עי, ווין! — האָט ער א געשריי געטאָהן מיט זיין בעריהמטער שטימע אין קאַמאַנדעווען, א געדיכטע, שטאַרקע שטימע, אז דיא שויבען טרויס־לען זיך — ניין, מען דאַרף ניט — האָט ער גלייך חרטה געהאַט — דוא געהסט אהיים, איך געה מיט דיר.

און ער איז ארויס צוזאַמען מיט ווראָנסקין.

20.

ווראָנסקי איז איינגעשטאַנען אין א גראַמען און ריינעם צימער אָבגע־טהיילט אין צוויי טהיילען, אין א טשוכאנישען הויז. פּעטריצקי האָט געוואָהנט

מיט איהם צוזאמען אין דיא לאגערען. ווען װראָנסקי און יאשווין זיינען אריין אין הויז האָט פּעטריצקי נאָך געשלאָפען.

— שטעה אויף, גענוג שלאָפען — האָט געזאָגט יאשווין אַריינגעהענדיג הינטער דער אָבגעצאַמטער ווענטעל און שטויסענדיג פּעטריצקין אין פּלייצע.

פּעטריצקי איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען אויף דיא קניע און האָט זיך אומגעקוקט.

— דיין ברודער איז דאָ געוועזן — האָט ער געזאָגט װראָנסקין — האָט מיך אויפגעוועקט, דער טייפעל זאָל איהם נעהמען, און האָט געזאָגט אז ער וועט ווידער קומען — און ער האָט ווידער א וואָרף געטאָהן זיך אויף דער קישען, אי־בערציהענדיג איבער זיך דיא דעקע — הער אויף, יאשווין — האָט ער געזאָגט, זייענדיג אין כעס אויף יאשווינען פאַר וואָס ער האָט פון איהם אַראָבגעשלעפּט דיא דעקע — הער אויף! דוא זאָג בעסער, וואָס איז בעסער אויסצוטרינקען: אין מויל איז אזוי פּאַסקודנע, אז....

— שנאַפּס איז בעסער פון אלעס — האָט א ברום געטאָהן יאשווין — עי, טערעשטשענקא! ברייננ דעם פּריץ שנאַפּס און אוגערקעס — האָט ער גע־שריען קענטיג הנאה האָבענדיג פון זיין אייגענעם קול.

— בראַנפען דיינקסט דוא, הא? — האָט געפרעגט פּעטריצקי קרימענדיג זיך און רייבענדיג דיא אויגען — און דוא וועסט אויסטרינקען? אויב צוזאַמען, וועלען מיר טרינקען! װראָנסקי, וועסט דוא אויסטרינקען? — האָט געזאָגט פּעטריצקי, איז אויפגעשטאַנען און איינגעוויקעלט זיך ביז אונטער דיא פּאַכוועס מיט דער דעקע און ער האָט אָנגעהויבען זינגען אויף פראַנצויז: געוועזן א קעניג אין טולא.

— טרעט אָב — האָט געזאָגט װראָנסקי אָנציהענדיג אויף זיך דעם ראָק. וועלכען דער לאקיי האָט איהם דערלאַנגט.

— וואוהין? — האָט געפרעגט יאשווין.

— איך דאַרף בעקוקען דיא פערד־שטאַהלען און מוז נאָך זיין ביי בריאַנ־סקי מיט איהם אָבצורעכענען זיך.

װראָנסקי האָט ווירקליך פערשפּראָכען זיין ביי בריאַנסקין און ברייננען איהם געלד פאַר געקויפטע פערד; בריאַנסקיס שטאַהלען זיינען געוועזן א וויארסט צעהן פון פּעטערהאָף, וואו דיא לאַגערען זיינען געוועזן. אָבער דיא חברים האָבען פערשטאַנען, אז דער הויפּט-צוועק פון זיין רייזע איז ניט צו בריאַנסקין. פּעטריצקי האָט געזונגען ווייטער צואווינקענדיג מיט אן אויג, וויא ער וואָלט זאָגען: מיר ווייסען וואָס פאַר א בריאַנסקי דאָס איז.

— זעה, פאַרשפּעטיג זיך ניט! — האָט געזאָגט יאשווין און אום צו ענדערען דעם געשפּרעך, האָט ער א קוק געטאָהן אין פענסטער, וואוהין עס איז שוין צוגעפאָהרען דיא טראָיקע און האָט זיך צורעדט וועגען זיין סאַווארסקען פערד וואָס ער האָט פאַרקויפט װראָנסקין.

— וואַרט! — האָט זיך צושריען פּעטרציקי, ווען װראָנסקי האָט שוין אָנגעהויבען ארויסגעהן — דיין ברודער האָט דיר דאָ איבערגעלאָזען א צעטעלע און א בריעף. וואַרט, וואו זיינען זיי?

ווראָנסקי האָט זיך אָבגעשטעלט.

— וואו־זשע זיינען זיי?

— וואו זיינען זיי? דאָס איז די הויפט פראגע! — האָט מיט בע־גייסטערונג אויסגעשריען פעטריצקי.

— נו, זאָג דאָך, דאָס איז דאָך דום! — האָט שמייכלענדיג געזאָגט ווראָנסקי.

— איך האָב דעם קאַמין ניט געהייצט, מוזען זיי דאָך ליגען דאָ ערגעץ.

— נו, גענוג דיר ליגען זאָגען. וואו איז דער בריעף?

— ניין, ווירקליך, איך האָב פארגעסען, אָדער איך האָב דאָס אפשר גאָר אין חלום געזעהען? וואַרט! וואַרט! זיי ניט אין כעס; ווען דוא וואָלסט אזוי וויא איך א גאנצע נאכט געטרונקען מיט חברים און אויסטרינקען צו פיער פלאַש אויף א גוטען ברודער, וואָלסט דוא פארגעסען אפילו וואו דוא ליגסט. וואַרט, איך וועל זיך גלייך דערמאָנען!

פעטריצקי איז אוועק הינטערן ווענטעל און האָט זיך אוועקגעלייגט אין זיין בעט ווידער:

— וואַרט, אזוי בין איך געלעגען, אזוי איז ער געשטאַנען און... יאַ־יאַ־יאַ... אָט איז עס! — און פעטריצקי האָט ארויסגענומען דעם בריעף פון אונטערן מאַטראַץ, וואוהין ער האָט איהם געווען פערשטעקט.

ווראָנסקי האָט גענומען דעם בריעף מיט דעם ברודערס צעטעלע. עס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ערוואַרט — א בריעף פון דער מוטער מיט פאָרוואורפע פאַר וואָס ער קומט קיין מאָהל ניט צופאָהרען זיא בעזוכען, און א צעטעלע פון ברודער, אין וועלכען ער שרייבט איהם, אז ער האָט מיט איהם וועגען וואָס דורכצוריידען זיך. ווראָנסקי האָט געוואוסט אז דאָס איז אַלץ וועגען דערזעל־ביגער אנגעלעגענהייט. „וואָס איז דאָס זייער זאַך!“ האָט ער א טראַכט געטאָהן, האָט פערדרוקט דיא בריעף אין בוזים אום אויפ'ן וועג נאָך אמאָל איבערצולעזען. אין פאָרהויז האָבען איהם בעגעגענט אריינקומענדע צוויי אפיצערען. איינער פון זייער רעגימענט און דער צווייטער פון אַן אנדערען. ווראָנסקיס קוואַרטיר איז שטענדיג געווען א פלאַץ, וואוהין עס פלעגען זיך קלייבען אפיצערען.

— וואוהין?

— קיין פעטערהאָף.

— פון צאַרסקאָיע האָט מען שוין געבראַכט דעם פערד?

— געבראַכט, אָבער איך האָב איהם נאָך ניט געזעהען.

— מען זאָגט, אז מאַכאָטינס פערד „גלאַדיאַטאָר“ האָט זיך צוהינקען.

— דומהייטען! נור וויא וועט איהר אין אזא בלאָטע יאָגען זיך? — האָט געזאָגט אַן אנדערער.

— אָט זיינען מיינע רעטער — האָט אָנגעהויבען שרייען פעטריצקי, דער־זעהענדיג דיא אריינגעקומענע — יאשווין הייסט טרינקען כדי אָבצופרישען זיך.

— נו, איהר האָט אונז שוין גענוג אָנגעגעבען נעכטען — האָט געזאָגט איינער פון דיא אריינגעקומענע — דיא גאנצע נאַכט האָט איהר אונז ניט געלאָזען שלאָפען.

— ניין, איהר דארפט וויסען וויא אינטערעסאַנט מיר האָבען געענדיגט !— האָט דערצעהלט פּעטריצקי — וואָלקאָוו איז ארויפגעקראָכען אויפ'ן דאך און זאָגט אַז איהם איז אומעטיג. איך זאָג : מוזיק, מוזיק גיט, אַ טרויער־מאַרש ! און אַזוי איז ער איינגעשלאָפען אויפ'ן דאך אונטער דעם געזאַנג פון טרויער־מאַרש.

— טרינק אויס, טרינק אויס בראַנפען, און דערנאָך זעלצער־וואַסער מיט פיעל ציטראָן — האָט געזאָגט יאשווין שטעהענדיג איבער פּעטריצקין, וויא אַ מוטער איבער אַ קינד איינגעבענדיג אַ רפואה — און דערנאָך מעגסט דוא שוין איינגעהמען אַ ביסעל שאַמפּאַניער, אונגעפעהר אַ פלעשעלע.

— דאָס איז קלוג. וואַרט, ווראָנסקי, לאָמיר אויסטרינקען.

— ניין, אַדיע, מיינע העררן, היינט טרינק איך ניט.

— וואָס איז ? האָסט מורא, אַז דו וועסט שווערער ווערען ? נו, ווע‏לען מיר אליין טרינקען. גיב דיא זעלצער און ציטראָן.

— ווראָנסקי ! — האָט עמיצער צוגעשריען, ווען ער איז שוין ארויס אין פּאָרהויז.

— וואָס ?

— וואָלסט בעסער אונטערשערען דיא האָאַר. ווארום זיי זיינען ביי דיר צו געדיכט, בעזאָנדערנס אויף דיין פּליך.

ביי ווראָנסקין האָט אין דער ווירקליכקייט פריהצייטיג אָנגעהויבען צו ווייזען זיך אַ פּליך. ער האָט זיך פרעהלאך צולאַכט, איז ארויס און אריינגעזעצט זיך אין קאַליאַס.

21.

זיין פערד פאַר דיא רייסעס האָט געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן נאָך נעכטען אין דער שטאַהל, וועלכע איז בעשטאַנען פון אַ באַלאַגאַן פון ברעטער, וואָס איז געוועזען אויף דער צייט אויסגעבויט לעבען היפּאָדראָם. ער האָט נאָך זיין פערד ניט געזעהען.

ער האָט קוים צייט געהאַט אראָבצוגעהן פון זיין קאַליאַס, וויא צו איהם איז שוין צוגעלאָפען זיין גרום (פערד־דינער) — אַ טרוקענער ענגלענדער אין הויכע שטיוועל און אַ קורצען זשאַקעט, מיט אַ בינטעל האָאַר, וואָס זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען בלויז אונטערן מאָרדע.

— נו, וויא איז פרו־פרו ? — האָט ווראָנסקי אַ פרעג געטאָהן אויף ענגליש.

— אָלל־רייט, סער — האָט פון מיטען האַלז ערגעץ ארויסגערעדט דער ענגלענדער — איהר בעסער ניט געהט צו איצט. איך האָב אָנגעטאָהן אַ צוים, און דער פערד איז איצט צורייצט. בעסער ניט געהט צו, דאָס בעאונרוהיגט דעם פערד.

— ניין, איך וויל אַ קוק טאָהן.

# אננא קארעני נא

— קומט — האָט געזאָגט דער ענגלענדער פערוואָלקענט, אַלץ מיט א פערמאַכטע מויל.

זיי זיינען אריין אין הויף, וואָס איז פאר דעם באלאגאן. אין שטאהל זייר נען געשטאַנען פינף פערדע, און ווראָנסקי האָט געוואוסט אז אהער האָט מען שוין געמוזט ברייננגען זיין קאָנקורענטס פערד, מאכאטינס „גלאדיאטאָר". ווראָנסקין האָט זיך געוואָלט זעהען דעם פערד נאָך מעהר אַלס זיינעם; ער האָט אָבער גע־וואוסט, אז לויט געזעצע פון אנשטענדיגקייט, פאַסט ניט נור ניט אָנצוקוקען דעם נעגנערס פערד פריהער, נור אפילו נאָכפרעגען ויך וועגען איהם. אין דער צייט, ווען ער איז דורכגעגאנגען האָט דער איגנגעל פון שטאהל אָן עפען געטאָהן דיא צווייטע סטאָילע און אין איהר האָט ווראָנסקי דערזעהען דעם רויטען, גרויסען פערד מיט דיא ווייסע פיס. ער האָט געוואוסט, אז דאָס איז „גלאַדיאַטאָר", נור מיט דעם געפיהל פון א מענשען, וועלכער קעהרט זיך אָב פון א פרעמדען גע־עפענטען בריעף האָט ער זיך אָבגעקעהרט און איז צוגעגאנגען צו זיין פרו־פרו.

— דער פערד איז דאָס דעם'ס מא־ק... מאק... איך קאָן קיין מאָהל דעם נאָמען ניט ארויסריידען — האָט געזאָגט דער ענגלענדער איבער'ן פּלייצע, בע־וויזענדיג מיט דעם פינגער מיט א שמוציגען נאָגעל אויף מאכאטינס „גלאַד־יאטאָר".

— מאכאטינס מיינט איהר? — האָט געזאָגט ווראָנסקי — יא, ער איז דער איינציג ערנסטער געגנער מיינער.

— ווען איהר וואָלט געפאָהרען אויף איהם וואָלט איך זיך געוועט פאַר אייך — האָט געזאָגט דער ענגלענדער.

— פרו־פרו איז נערוועזער, און ער איז קרעפטיגער — האָט געזאָגט ווראָנסקי מיט א שמייכעל אויף דיא ליב־ווערטער פאר זיין רייטען.

— רעדט ניט הויך, געפעליגסט, דער פערד איז אונרוהיג — האָט דער ענגלענדער געזאָגט עפענענדיג דיא טיהר.

ווראָנסקי האָט געקוקט אויף זיין פרו־פרו און איהם האָט זיך געדוכט, אז זיא האָט פערשטאַנען וואָס ער פיהלט איצט קוקענדיג אויף איהר. וויא ער איז נור אריין האָט זיא טיעף א ציה געטאָהן אין זיך לופט, האָט א קרים געטאָהן איהר אויסגערונדעלטע אויג, אז דיא ווייסעל פון אויג האָט זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט, האָט א טרויסעל געטאָהן דיא ציימעל און אָבגעטראָטען פון איין פוס אויף דער אנדערער.

— נו, אָט זעהט איהר וויא אונרוהיג זיא איז — האָט געזאָגט דער ענג־לענדער.

— אָ, ליעבענקע! אָ! — האָט געזאָגט ווראָנסקי צוגעהענדיג נעהענטער צום פערד מיט צערטליכקייט.

אָבער וואָס נעהענטער ער איז געגאנגען, אַלץ אונרוהיגער איז זיא גע־וואָרען, נור ווען ער איז צוגעגאנגען צו איהר קאָפּ איז זיא פּלוצלונג שטיל געוואָ־רען, און איהרע מוסקולען האָבען זיך א טרויסעל געטאָהן אונטער דער דינער, צארטער פעל. ווראָנסקי האָט א גלעט געטאָהן איהר קרעפטיגען נאקען און האָט

צוגערוקט זיין פּנים צו איהרע אויסגעצויגענע דינע נעזלעכער, וועלכע זיינען געווען וויא דיא פליגלען פון א פלעדער־מויז.

— בערוהיג זיך, ליעבע, בערוהיג זיך — האָט ער געזאָגט א גלעט טאָהנדיג זיא און איז ארויס מיט דעם פרעהליכען בעוואוסטזיין, אַז דער פערד איז אין גוטען צושטאַנד.

דעם פערד'ס אונרוהיגקייט האָט זיך אָבער אויך איבערגעגעבען ווראָנסקין; ער האָט געפיהלט וויא זיין בלוט האָט א פלוס געטאָהן צום הארצען און אַז ער, וויא דער פערד, וואָלט וועלען אויך בעוועגען זיך, בייסען זיך; איהם איז געווען אי שרעקליך, אי פרעהלאך.

— איך האָף אַלזאָ אויף אייך — האָט ער געזאָגט דעם ענגלענדער — האלב נאָך זעקס אויפ'ן פּלאַץ.

— אָלל־רייט — האָט געענטפערט דער ענגלענדער — און וואוהין פאָהרט איהר, מיין לאָרד? — האָט ער א פרעג געטאָהן פּלוצלונג, געברויכענדיג איצט דיא ווערטער „מאַי לאָרד", וועלכע ער האָט פריהער קיין מאָל מיט איהם ניט געברויכט.

ווראָנסקי האָט א פערוואונדעטער אויפגעהויבען זיין קאָפּ און איהם אָנגעקוקט. אָבער פערשטעהענדיג, אַז דער ענגלענדער האָט אויף איהם געקוקט וויא אויף זיין בעל־הבית, שטעלענדיג איהם דיא פראגע, און נ'יט וויא אויף א זשאקעי, האָט ער איהם געענטפערט:

— איך דארף פאָהרען צו בריאַנסקי. איך וועל אין א שטונדע ארום זיין צו הויז.

„צום וויפיעלטען מאָל מען שטעלט עס מיר היינט די פראַגע!" — האָט ער געטראַכט רויט ווערענדיג, וואָס עס פלעגט מיט איהם זעלטען פּאַסירען. דער ענגלענדער האָט איהם אויפמערקזאַם אָנגעקוקט, אזוי וויא ער וואָלט וויסען, וואוהין ווראָנסקי פאָהרט און האָט געזאָגט:

— דיא הויפּט זאַך איז צו זיין רוהיג פאַר'ן פאָהרען — האָט ער געזאָגט— איהר דארפט זיין גוט אויפגעלייגט און פון קיין זאַך ניט אויפרעגען זיך.

— אָלל־ראַיט, — האָט שמייכלענדיג געענטפערט ווראָנסקי און אריינשפּרינגענדיג אין קאַליאַס האָט ער געהייסען פאָהרען קיין פּעטערהאָף.

קוים וואָס ער איז אָבגעפאָהרען עטליכע טריט, וויא א וואָלקען, וועלכער האָט נאָך פון אין־דער־פריה אָן געסטראַשעט מיט רעגען, האָט זיך ארויפגערוקט אויפ'ן הימעל און עס האָט א שטראָם געטאָהן א גוס־רעגען.

„שלעכט — האָט געטראַכט ווראָנסקי אָנציהענדיג דעם דעכעל פון זיין קאַליאַס — עס איז אזוי אויך געווען קויטיג און איצט וועט גאָר ווערן א בלאָטע". ער האָט ארויסגענומען דער מוטער'ס בריעף און דעם ברודער'ס צעטעלע און האָט זיי דורכגעלעזען.

אַלץ דאָסזעלביגע און דאָסזעלביגע. אַלע, זיין מוטער, זיין ברודער, אַלע געפינען פאַר נויטיג אריינצומישען זיך אין דיא אָנגעלעגענהייטען פון זיין הארצען. דיא דאָזיגע אריינמישונג האָט איהם בייז געמאַכט: „וואָס איז דאָס זייער עסק? פאַר וואָס רעכענט יעדערער פאַר זיין פּפליכט צו זאָרגען וועגען מיר?

דאָס איז דערפאר ווייל זיי זעהען, אז דאָס איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס זיי קאָנען ניט פארשטעהן. ווען דאָס וואָלט געווען אַ געוועהנליכע געמיינע ליעבהאבעריי פון דער הויכער געזעלשאַפט, וואָלטען זיי מיך דאָך לאָזען צורוה. זיי פיהלען, אז דאָס איז עפּעס גאָר אַן אנדער זאַך, אז דאָס איז ניט קיין שפּיעלכעל, אז דיא דאָזיגע פרוי איז מיר טהייערער פון מיין לעבען. און דאָס פערשטעהען זיי ניט, דערפאר ערגערט דאָס זיי. וואָס אונזער שיקזאל זאָל ניט זיין, מיר האָבען דעם דאָזיגען שיקזאל בעשאַפען און מיר בעקלאָגען זיך אויף איהם ניט — האָט ער גע־רעדט צו זיך, מיינענדיג מיט דעם וואָרט „מ י ר“ זיך מיט אננאַן — ניין, ניטאָ וואָס צו לערהנען אונז וויא צו לעבען. זיי ווייסען ניט וואָס דאָס איז אַזוינס גליק. זיי ווייסען ניט אז אָהן אונזער ליעבע איז פאר אונז ניטאָ, ניט קיין גליק, ניט קיין אונגליק, ניטאָ קיין לעבען“ האָט ער געטראַכט.

ער איז געווען בייז אויף אַלעמען פאר זייער אריינמישען זיך, ווייל ער האָט נעמליך ביי זיך אין הארצען געפיהלט, אז זיי זיינען גערעכט. ער האָט געפיהלט אז דיא ליעבע, וואָס פערבינדעט איהם מיט אננאַן, איז ניט קיין מינוטנע הינרייסונג, וועלכע וועט פערבייגעהען ניט איבערלאָזענדיג הינטער זיך קיין סליאַד, וויא אַלע ליעבהאָבערייען אין דער הויכער געזעלשאַפט, וועלכע לאָזען איבער בלויז אַן אנגענעהמע אָדער אונאַנגענעהמע עראינערונג. ער האָט זיך איצט לעבהאַפט דערמאָנט אַלע פעלע, אין וועלכע עס איז געווען אונפערמיידליך צו זאָגען ליגען, פארשטעלען זיך, געברויכען פאַלשקייטען, אָבנארונג, וואָס איז פאר זיין נאַטור געווען אַזוי אַבשטויסענד. און ער האָט געשפּירט אין זיך עפּעס אַ זאָנדערבארען געפיהל, וועלכער פלעגט אין איהם ערוועקען זיך פון צייט צו צייט, זינט זיינע ליעבעס־פערהעלטניסע מיט אננא — אַ געפיהל פון עקעל געגען עפּעס, ניט פיהלענדיג בעשטימט געגען וועמען און געגען וואָס, געגען אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש, געגען זיך אָדער געגען דער גאַנצער געזעלשאַפט — ער האָט דאָס ניט געקאָנט בעשטימען. ער האָט אָבער שטענדיג אָבגעיאָגט פון זיך דעם דאָזיגען זאָנדערבארען געפיהל.

„יאָ, פריהער איז זיא געווען אונגליקליך, אָבער שטאָלץ און רוהיג, און איצט קאָן זיא ניט זיין רוהיג און הויכווירדיג, אָבוואָהל זיא צייגט דאָס ניט אַרויס. יאָ, מען דארף דאָס ענדיגען“ — האָט ער בעשלאָסען איצט ביי זיך אַליין. און איהם איז צום ערשטען מאָל ארויף אויפ׳ן זינען אַ קלאָהרער געדאַנק, אז עס איז נויטווענדיג צו מאַכען אַן ענדע צו דער ליגענהאַפטער לאַגע, און וואָס שנעלער אַלץ בעסער. „ביידע זאָלען אָוועקוואַרפען אַלעס, אי איך אי זיא, און בעהאַלטען זיך וואו ניט איז און לעבען פאר זיך מיט אונזער ליעבע“, האָט ער זיך געזאָגט.

## 22.

דער רעגען האָט געגאָסען לאַנג, און ווען וורא‌נסקי איז געקומען נאָהענט פון פּעטערהאָף, האָט דיא זונן שוין ווידער ארויסגעקוקט, און דיא דאַכען פון דיא

דאטשעס און דיא אלטע ליפּאווע בוימער פון דיא גערטנער אויף ביידע זייטען וועג האבען געגלאנצט מיט א נאסען גלאנץ; פון דיא צווייגען האבען געטריפט גרויסע טראפּענס און פון דיא דעכער איז גערונען וואסער. ער האט ניט געטראכט שוין וועגען דעם וואס דער רעגען וועט פערדארבען דעם היפּאדראם, וואו דיא רייסעס דארפען פארקומען; ער האט זיך איצט גראד געפרעהט, וואס צו פערדאנקען דעם רעגען וועט ער אנטרעפען זיכער געפינען צו הויז און איינע אליין, ווארום ער האט געוואוסט, אז אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, וועלכער האט זיך ניט לאנג צוריקגעקעהרט פון אויסלאנד איז געבליבען אין פּעטערסבורג.

האפענדיג צו געפינען זיא אליין, איז ווראנסקי אראב פון זיין קאליאס גלייך וויא ער איז אריבערגעפאהרען דעם בריקעל, און איז דיא ווייטערע שטרעקע דערגאנגען צו פוס, וויא ער פלעגט אימער טאהן כדי ניט צו ציהען אויף זיך צופיעל אויפמערקזאמקייט. ער איז ניט אריינגעגאנגען דורך דעם פּאראדנעם טיהר פון גאס, נור איז געגאנגען דורכ'ן הויף.

— איז דער הערר שוין געקומען צו פאהרען? — האט ער א פרעג געטאהן דעם גערטנער.

— ניין, נאך ניט. דיא מאדאם איז צו הויז. געהט, זייט אזוי גוט, דורך דער פּאראדנער טיהר, דארט זיינען פאראן דיענער, זיי וועלען עפענען.

— ניין, איך וועל געהן דורכ'ן גארטען.

זייענדיג איבערצייגט אז זיא איז אליין און וועלענדיג זיא איבערראשען, איז ער אוועק דורכ'ן גארטען צוהאלטענדיג דעם שווערד און געהענדיג פארזיכטיג אויפ'ן זאמד-שטעגעל, וועלכער איז געווען ארומגעפלאנצט מיט בלומען-בייטען. ווראנסקי האט שוין איצט פארגעסען אלעס וואס ער האט געטראכט אויפ'ן וועג וועגען דער שווערינקייט פון דער לאגע. ער האט געטראכט איצט בלויז וועגען איינס אז ער וועט באלד זעהען זיא, ניט אין זיין פאנטאזיע, נור א לעבעדיגע, אין גאנצען אזוי וויא זיא איז אין דער ווירקליכקייט.

ער איז שוין אריינגעגאנגען, געהענדיג מיט פולע טריט, ווען ער האט זיך פלוצלונג דערמאהנט דאס, וואס ער האט שטענדיג פארגעסען און וואס איז געווען דיא שטארקסטע ערגערונג און קריינקונג אין זיינע בעציהונגען צו איהר — איהר זוהן מיט זיינע פראגענדע בליקען, און אבשטויסענדע, וויא איהם האט זיך געדיכט. דער אינגעל איז אפטער פון אלע אנדערע געווען א שטערונג אין זייער־ע בעציהונגען. ווען ער איז געווען דא, האבען אננא מיט ווראנסקין, ניט נור ניט ערלויבט זיך צו ריידען וועגען עפּעס אזעלכעס, וואס זיי וואלטען ניט גערעדט אין דער הויף פאר אנדערע, נור זיי האבען זיך אפילו ניט ערלויבט מיט אנדייטונגען צו ריידען עפּעס וואס דער אינגעל זאל ניט פארשטעהען.

זיי האבען זיך וועגען דעם ניט צונויפגערעדט, נור עס איז פאר זיי ביידען געווען א זעלבסטפערשטענדליכע זאך; זיי וואלטען גערעכענט אלס א בעליידיגונג פאר זיי ביידען אבצונארען דעם קליינעם אינגעל. אין זיין אנוועזענהייט האבען זיי פערבראכט וויא צוויי בעקאנטע. אבער ניט קוקענדיג אויף דער פארזיכטיגקייט, האט ווראנסקי אפט געזעהען, וויא אויף איהם איז אויסגעשטעלט דער תמ'עוואטער אבער אויפמערקזאמער בליק פון'ם קינד און עפּעס א נערוועזקייט פון שעהמע-

דיגקייט אין דעם פערהאַלטען זיך פון קינד צו איהם. אַזוי וויא דאָס קינד וואָלט פאַרשטעהן, אַז צווישען זיין מוטער און דעם דאָזיגען מענשען איז פאַראַן עפּעס א וויכטיגע שייכות, דיא בעדייטונג פון וועלכער זיין קינד־ערשער מוח קאָן ניט פאַרשטעהן.

און ווירקליך, דער אינגעל האָט געפיהלט, אַז ער קאָן ניט פאַרשטעהן וואָס פאַר א שייכות־עס איז פאַראַן צווישען דעם דאָזיגען מענשען און זיין מוטער, און ער האָט ניט געקאָנט קלאָהר זיין, וואָס פאַר א געפיהל ער דאַרף האָבען צו דעם דאָזיגען מענשען. מיט דער פיהלבארקייט פון א קינד האָט ער קלאָהר געזעהען, אַז דער פאָטער, דיא גאָווערנאַנטין, דיא ניאַניא — אַלע האָבען ניט בלויז ניט געליעבט ווראָנסקין, נור האָבען מיט אבשטוים און מיט שרעק געקוקט אויף איהם, אָבוואָהל זיי האָבען גאָרנישט גערעדט וועגען איהם, און אַז זיין מוטער האָט געקוקט אויף איהם וויא אויף דעם בעסטען גוטען־פריינד.

„וואָס־זשע הייסט עס? ווער איז ער אַזעלכער? וויא דאַרף מען איהם ליעבען? אויב איך פאַרשטעה ניט, בין איך שולדיג, ווייל איך בין ענטוועדער א נאַרישער אָדער א שלעכטער אינגעלע“, האָט געטראַכט דאָס קינד, און דערפון האָט געשטאַמט זיין פרעגענדער בליק און אָפט אונפריינדליכער, נערוועזער און אונענטשלאָסענער אויסדרוק פון פּנים, וואָס האָט געשטעלט ווראָנסקין אין אַזאַ פערלעגענהייט.

דיא אַנוועזענהייט פון דעם קינד פלעגט דאָס שטענדיג און אונפערמיידליך ארויסרופען אין ווראָנסקין יענעם זאָנדערבארען געפיהל פון אבשטוים אָהן אורזאַכע, עהנליך צו דעם געפיהל פון דעם ים־רייזענדען, וועלכער זעהט אויפ׳ן קאָמפּאַס, אַז דיא ריכטונג אין וועלכער דער שיף געהט שנעל ווייטערט זיך אָב פון דער ריכטונג, אין וועלכער דער שיף דאַרף געהן, אָבער ער איז ניט בכח אָבצושטעלען דעם שיף און יעדע מינוט ווייטערט איהם אָב פון דער נויטיגער ריכטונג; און אנערקענען דאָס הייסט אנערקענען אַז עס וועט קומען א חורבן.

דאָס קינד מיט זיין נאַאיווען בליק אויפ׳ן לעבען איז געווען דער קאָמפּאַס, וועלכער האָט זיי געוויזען דיא מדרגה, אויף וויפיעל זיי האָבען אָבגעטראָטען פון דאָס וואָס זיי האָבען געוואוסט און האָבען אָבער ניט געוואָלט וויסען.

דעם מאָהל איז גראד סעריאָזשא ניט געווען אין הויז און זיא איז געווען איינע אַליין און איז געזעסען אויפ׳ן טעררא‌סע, וואַרטענדיג אַז סעריאָזשא זאָל זיך אומקעהרען, ווייל ער איז אַוועק שפּאַצירען און איז פערכאַפּט געוואָרען פון רעגען. זיא האָט געשיקט א דינער מיט א דיענסט זוכען איהם און איז געזעסען מיט אונגעדולד און געוואַרט. אָנגעצויגען אין א ווייסע, ברייטע קלייד איז זיא געזעסען אין ווינקעל הינטער דיא בלומען און זיא האָט איהם ניט געהערט צוקומענדיג. דיא שעהנקייט פון איהר גאַנצע פיגור, פון קאָפּ, האַלז און הענד, האָט יעדען מאָל איבערראַשט ווראָנסקין וויא עפּעס אונער־וואַרטעטעס.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט און געקוקט אויף איהר מיט ענטציקונג. און נור וואָס ער האָט געוואָלט מאַכען א טריט נעהענטער צו איהר וויא זיא האָט

שוין דערפיהלט זיין נאַהענטקייט און האָט א קעהר געטאָהן צו איהם איהר צוהיצטען פּנים.

—וואָס איז מיט אייך? זייט איהר קראַנק? — האָט ער געזאָגט אויף פראַנצויזיש, צוקומענדיג צו איהר. ער האָט געוואָלט צולויפען צו איהר, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אז עס קאָנען זיין נאָהענט ערגעץ זייטיגע פּערזאָנען און ער האָט זיך אומגעקוקט צו דער טהיר פון באַלקאָן און איז רויט געוואָרען, וויא ער פלעגט אָפט רויט ווערען, ווען ער האָט נאָר געפיהלט אז ער דאַרף מורא האָבען און אומקוקען זיך.

— ניין, איך בין געזונד — האָט זיא געזאָגט אויפהויבענדיג זיך און קרעפטיג דריקענדיג זיין אויסגעשטרעקטע האנד — איך האָב ניט.... דיך ניט ערוואַרט.

— מיין גאָט, וועלכע קאַלטע הענד! — האָט ער געזאָגט.

— דו האָסט מיך דערשראָקען — האָט זיא געענטפערט. — איך בין אַליין און ערוואַרט סעריאָזשאַ, ער איז אוועק שפּאַצירען, זיי וועלען אָנקומען ארום דאַנען.

אָבער ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיא האָט געזוכט צו זיין רוהיג, האָבען איהרע ליפּען געציטערט.

— פערצייהעט מיר, וואָס איך בין געקומען, אָבער איך האָב ניט געקאָנט פערביילאָזען א טאָג איך זאָל אייך ניט זעהען — האָט ער פאָרטגע־זעצט אויף פראַנצויזיש, וויא ער פלעגט אימער ריידען, אויסמיידענדיג דעם אונמעגליך קאַלטען „איהר“ און דעם געפעהרליכען „דוא“ אויף רוסיש.

— פאַר וואָס זאָל איך פערצייהען? עס פרעהט מיך אזוי!

— אָבער איהר זייט ניט געזונד אָדער עפּעס איז פערדרוס — האָט ער פאָרטגעזעצט, ניט ארויסלאָזענדיג איהר האַנד און אָנבויגענדיג זיך איבער איהר — וועגען וואָס האָט איהר געטראַכט?

— אַלץ וועגען איינס — האָט זיא געזאָגט מיט א שמייכעל.

זיא האָט געזאָגט דעם אמת. ווען און אין וועלכער מינוט מען זאָל איהר ניט א פרעג טאָהן וועגען וואָס זיא טראַכט, וואָלט זיא אָהן א טעות געקאָנט ענטפערען: וועגען איינס, וועגען איהר גליק און וועגען איהר אונגליק. איצט, ווען ער איז צוגעקומען האָט זיא נעמליך וועגען דעם געטראַכט. זיא האָט גע־טראַכט: פאַר וואָס איז דאָס פאַר אנדערע, פאַר בעטסי, צ. ב. ש. (זיא האָט געוואוסט וועגען איהרע בעציהונגען צו טושקעוויטשען, וואָס דיא גאַנצע וועלט האָט געוואוסט) איז דאָס געווען אזוי לייכט און פאַר איהר פאַר וואָס איז דאָס אזא פּייניגונג. היינט איז זיא נאָך בעזאָנדערנס געמאַטערט געוואָרען פון דיא דאָזיגע געדאַנקען. זיא האָט זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט וועגען דיא רייסעס. ער האָט איהר געענטפערט, זעהענדיג אז זיא איז זעהר צוטראָגען און זוכענדיג צו ערמונטערען זיא. ער האָט איהר מיט איינפאַכקייט דערצעהלט אַלע איינצעל־הייטען וועגען דיא בעפאָרשטעהענדע רייסעס.

„זאָגען איהם אָדער ניט — האָט זיא געטראַכט, קוקענדיג אין זיינע רוהיגע, זאַנפטע אויגען — ער איז אזוי גליקליך, אזוי פערנומען מיט זיינע

רייסעס, אז ער וועט דאָס ניט פערשטעהן וויא עס דארף צו זיין, ער וועט ניט פערשטעהן דיא גאַנצע בעדייטונג פון אזא עראייגניס פאר אונז.“

— אָבער איהר האָט מיר ניט געזאָגט וועגען וואָס איהר האָט געטראַכט ווען איך בין געקומען — האָט ער געפרעגט איבעררייסענדיג זיין דערצעהלונג וועגען דיא רייסעס.

זיא האָט ניט געענטפערט און אָנבויגענדיג עטוואָס דעם קאָפּ האָט זיא געקוקט אויף איהם פון אונטערן שטערן מיט איהרע גלאַנצענדע אויגען איינגעפאַסטע אין דיא לאַנגע ברעמען. זיא האָט געציטערט, שפּיעלענדיג מיט א בלעטעלע.

— איך זעה, אַז עפּעס האָט פּאַסירט. קאָן איך דען זיין א מינוט רוהיג, וויסענדיג אַז איהר ליידעט פון עפּעס? זאָגט אום גאָטעס ווילען! — האָט ער זיך געבעטען.

„יא, איך וועל איהם ניט פערצייהען, אויב ער וועט ניט פערשטעהן דיא גאַנצע בעדייטונג. עס איז שוין בעסער איצט ניט צו ריידען“ — האָט זיא געטראַכט, קוקענדיג אויף איהם און פיהלענדיג וויא דאָס בלעטעל ציטערט אַלץ מעהר אין איהר האַנד.

— אום גאָטעס ווילען! — האָט ער ווידערהאָלט, אָננעהמענדיג איהר האַנד.

— זאָגען?

— יא, יא, יא...

— איך בין מעוברת — האָט זיא געזאָגט שטיל און לאַנגזאַם.

דאָס בלעטעל אין איהר האַנד האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען צו פלאַטערן, נור זיא האָט פון איהם ניט אַראָפּגעלאָזען קיין אויג, אום צו זעהען וויא ער וועט דאָס אויפנעהמען. ער איז בלייך געוואָרען, האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, נור איז געבליבען אין מיטען, האָט ארויסגעלאָזען איהר האַנד און האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. „יא, ער האָט פערשטאַנען דיא גאַנצע בעדייטונג פון דער דאָזיגער פּאַסירונג“, האָט זיא געטראַכט און האָט מיט דאַנקבאַרקייט א דריק געטאָהן זיין האַנד.

אָבער זיא האָט א טעות געהאַט מיינענדיג, אַז ער האָט פערשטאַנען דיא בעדייטונג פון דער נאַכריכט אַזוי, וויא זיא, א פרויענצימער האָט עס פערשטאַנען. ביי דער דאָזיגער נאַכריכט האָט ער מיט א צעהנפאַכער קראַפט דערפיהלט אַן אָנפאַל פון יענעם זאָנדערבאַרען געפיהל, וועלכער פלעגט אויף איהם אָנקומען אַמאָל, א געפיהל פון אבשטויס צו עמיצען עפּעס; אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער פערשטאַנען, אַז יענער קריזיס, וועלכען ער האָט פערלאַנגט, איז איצט אָנגעקומען, אז מען קאָן מעהר פון דעם מאַן ניט בעהאַלטען און אַז עס איז אונפערמיידליך אַזוי אָדער אַנדערש צורייסען דיא דאָזיגע אוננאַטירליכע לאַגע. און אויסער דעם האָט זיך איהר צוטראָגענהייט פיזיש זיך איבערגעגעבען איהם. ער האָט א קוק געטאָהן אויף איהר מיט א געמילדערטען, אונטערטהעניגען בליק, האָט א קוש געטאָהן איהר האַנד, איז אויפגעשטאַנען און איז שווייגענדיג זיך דורכגעגאַנגען איבער דער טעראַסע.

— יא, — האָט ער געזאָגט, ענטשלאָסען צוגעהענדיג צו איהר. — ניט איהר און ניט איך האָבען געקוקט אויף אונזערע בעציהונגען, וויא אויף א שפּיל־כעל, און איצט איז אונזער שיקזאל געשלאָסען. מען מוז ענדיגען — האָט ער געזאָגט אומקוקענדיג זיך — יענע פאלשקייט, אין וועלכער מיר לעבען.

— ענדיגען? אָבער וויא ענדיגען, אלעקסיי? — האָט זיא געזאָגט שטיל.

זיא האָט זיך איצט בערוהיגט און איהר פּנים האָט געשיינט מיט א צערטליכען שמייכעל.

— פערלאָזען דעם מאַן און פעראייניגען אונזער לעבען.

— דאָס לעבען איז פעראייניגט אזוי אויך — האָט זיא קוים הערבאר געענטפערט.

— יא, אָבער אין גאנצען, אין גאנצען.

— אָבער וויא, אלעקסיי, לעהרען מיך, וויא? — האָט זיא געזאָגט טרויעריג שפּאסענדיג וועגען דער אונאויסגאנגליכקייט פון איהר לאגע — קאָן דען זיין אַן אויסגאנג פון אזא לאגע? בין איך דען ניט מיין מאַן'ס פרוי?

— פון יעדער לאגע איז פאראַן אַן אויסגאנג. מען דארף זיך ענטשליסען — האָט ער געזאָגט — אלץ בעסער וועט דאָך דאָס זיין פון דער לאגע, אין וועלכער דו לעבסט. איך זעה דאָך וויא דו ביסט געמאַטערט פון אלעס, פון דער געזעלשאפט, פון דעם זוהן און פון דעם מאַן.

— אך, נור ניט פון דעם מאַן — האָט זיא געזאָגט מיט אַן איינפאכען געלעכטער — איך ווייס ניט, איך טראכט ניט וועגען איהם, ער איז ניטאָ.

— דוא רעדסט ניט אויפריכטיג. איך קען דיך. דוא ביסט געמאַטערט **אויך וועגען איהם.**

## 23.

וורָאנסקי האָט זיך שוין געפּרופט איינינגע מאָל, וויא איצט, ארויפפיהרען זיא אויף א בעטראכטונג פון איהר לאגע, אָבוואָהל ער האָט דאָס געטאָהן אונ־ענטשלאָסען, אָבער יעדען מאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף יענער לייכט־זינניגקייט און אָבערפלעכליכקייט, וויא זיא האָט איצט געענטפערט. וויא עס וואָלט געוועזען דערביי עפּעס אזעלכעס, וואָס זיא האָט ניט געקאָנט אָדער ניט גע־וואָלט זיך קלאָהר מאַכען; וויא דיא אמת'ע אננא וואָלט זיך ערגעץ אין איהר פארשטעקען, ווען עס פלעגט ווערען דערפון דיא רייד, און עס פלעגט אנשטאָט איהר ארויסטרעטען אַן אנדערע, א זאָנדערבאַרע פרויענצימער, וועלכע איז איהם פרעמד, וועלכע ער האָט ניט געליעבט און פאר וועלכער ער האָט מורא געהאָט. ער האָט זיך אָבער היינט ענטשלאָסען צו זאָגען איהר אלעס.

— ער ווייס דאָך גאָר ניט — האָט זיא געזאָגט, און פּלוצלונג האָט א העלע רויטקייט אָנגעהויבען ארויסטרעטען אויף איהר פּנים; איהרע באַקען, שטע־

רען און נאקען זיינען רויט געווארען און טרעהרען פון שאנדע זיינען איהר אנגע־לאפען אין דיא אויגען — און לאמיר פון איהם ניט ריידען.

— צו ער וויים צו ניט — האט געזאגט וראנסקי מיט זיין געוועהנליכען פעסטען און רוהיגען טאן — צו ער וויים צו ניט, אונז געהט דאס ניט אן. מיר קאנען ניט... איהר קאנט ניט בלייבען אזוי, בעזאנדערנס איצט.

— וואס־זשע איז צו מאכען לויט אייער מיינונג? — האט זיא א פרעג געטאהן מיט יענעם לייכטען שפאס. זיא, וועלכע האט מורא געהאט מיט א ווייל־צוריק, אז ער זאל ניט אויפנעהמען צו לייכט דיא נאכריכט וועגען איהר שוואנ־גערשאפט, האט איצט געהאט פערדרוס, פאר וואס ביי איהם קומט אוים אז עס איז נויטיג וואס צו טאהן.

— ערקלעהרען איהם אלעס און אוועק פון איהם.

— זעהר גוט; לאמיר רעכענען, אז איך וועל דאס טאהן — האט זיא געזאגט — איהר ווייסט דאך וואס דערפון וועט ארויסקומען? איך קאן פאראוים אלעס דערצעהלען וואס עס וועט זיין — און א בייזער פייערל האט זיך אנגעצונ־דען אין איהרע אויגען — „א, איהר ליעבט אן אנדערן און אריינגעטראטען מיט איהם אין פ ע ר ב ר ע כ ע ר י ש ע פערבינדונגען (זיא האט פארגעשטעלט וויא דער מאן רעדט און פינקטליך וויא אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש וואלט דאס געטאהן האט זיא אויך בעזאנדערנס געדריקט אויפ׳ן ווארט פערברעכעריש) איך האב אייך מתרה געווען, וועלכע פאלגען דערפון קאנען ארויסקומען רעליגיעז, ציוויל און פאר דער פאמיליע. איהר האט מיך ניט געפאלגט. איצט קאן איך ניט שענדען מיין נאמען... — און מיין זוהן, האט זיא געוואלט זאגען, אבער זיא האט וועגען דעם זוהן ניט געקאנט מאכען קיין שפאס — שענדען מיין נאמען״... נו, און נאך עפעס אזעלכעס אויף דעמזעלבען שטייגער. אין אלגעמיין וועט ער וויוזען אויף זיין שטאאטליכען אופן מיט קלאהרקייט און פינקטליכקייט, אז ער קאן מיך ניט אפלאזען און ער וועט פארנעהמען מיטלען אויסצומיידען א סקאנ־דאל. און ער וועט אויספיהרען רוהיג און פינקטליך וואס ער וועט זאגען. דאס איז וואס עס וועט זיין. דאס איז דאך ניט קיין מענש, נור א מאשין און א בייזע מאשין, ווען ער זאל אין כעס ווערען — האט זיא צוגעלייגט, דערמאנענדיג דערביי אלעקסאנדראוויטשען מיט אלע געגויקייטען פון זיין פיגור, פון זיינע מאניערען, אנפיהרענדיג געגען איהם אלע זיינע חסרונות, ניט פערצייהענדיג איהם קיין זאך פאר דער שולד, אין וועלכער זיא האט זיך פערשולדיגט געגען איהם.

— אבער אננא — האט געזאגט וראנסקי איבערצייגענד, זוכענדיג צו בערוהיגען זיא מיט זיין ווייכער שטימע — אלץ איז דאך פון דעסטוועגען נויטיג איהם צו זאגען, און דערנאך שוין זעהען וואס ער וועט פארנעהמען און לויט דעם דאן האנדלען.

— **וואס־זשע, לויפען?**

— פאר וואס ניט לויפען. איך זעה קיין מעגליכקייט ניט ווייטער אזוי... און פאר זיך אויך ניט — איך זעה אז איהר ליידעט.

— יא, לויפען און ווערען אייער ליובאווניצע — האט זיא געזאגט בייז.

— אננא — האט ער געזאגט מיט צערטליכען פארוואורף.

— יאַ, — האָט זיא פאָרטגעזעצט — ווערן אייער ליובאָווניצע און רואינירען אַלעס....

זיא האָט ווידער געוואָלט זאָגען: דעם זוהן, אָבער האָט דעם דאָזיגען וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידען.

ווראָנסקי האָט זיא ניט געקאָנט פאַרשטעהן, וויא אַזוי זיא מיט איהר שטאַרקען, עהרליכען און וואַהרהייטליכען כאַראַקטער קאָן אַריבערטראָגען אַזאַ לאַגע פון פאַלשקייט און אָבנאַרונג און וויל ניט אַרויס פון דער דאָזיגער לאַגע. ער האָט אָבער ניט געטראָפען, אַז דיא הויפּט אורזאַכע דערפון איז געוועזען יענעם וואָרט זוהן, וועלכען זיא האָט ניט געקאָנט ארויסריידען. ווען זיא פלעגט אַ טראַכט טאָהן וועגען איהר זוהן און זיינע צוקינפטיגע בעציהונגען צו דער מוטער, וועלכע האָט אַוועקגעוואָרפען זיין פאַטער, איז איהר געוואָרען אַזוי שרעקליך פאַר דאָס וואָס זיא האָט געטאָהן, אַז זיא האָט מעהר ניט געאורטהיילט, און, וויא אַ פרויענצימער, האָט זיא געזוכט בלויז צו בערוהיגען זיך מיט ליגנהאַפטע ווערטער און איבערטראַכטונגען כדי אַלעס זאָל בלייבען ביים אַלטען און אַז מען זאָל קאָנען פאַרגעסען וועגען דער שרעקליכער פראַגע, וואָס וועט זיין מיט דעם זוהן.

— איך בעט דיך, איך בעט דיך — האָט זיא פלוצלונג מיט אַן אַנדער טאָן, מיט אַן אויפריכטיגען און צערטליכען טאָן געזאָגט, נעהמענדיג זיין האַנד— קיין מאָהל זאָלסט דו ניט ריידען מיט מיר וועגען דעם!

— אָבער אננאַ...

— קיין מאָהל ניט. לאָז דאָס איבער צו מיר. דיא גאַנצע געמיינהייט, דעם גאַנצען שרעק פון מיין לאַגע ווייס איך; אָבער דאָס איז ניט אַזוי לייכט צו ענטשיידען, וויא דוא מיינסט. און לאָז דאָס איבער פאַר מיר, און פאָלג מיך. קיין מאָהל מיט מיר וועגען דעם ניט צו ריידען. פאַרשפּרעכסט דוא מיר?... ניין, ניין, פאַרשפּרעך!...

— איך פאַרשפּרעך אַלעס, אָבער איך קאָן דאָך ניט רוהיג זיין, בעזאָנדערם נאָך דעם וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. איך קאָן דאָך ניט רוהיג זיין, ווען דוא קאָנסט ניט זיין רוהיג...

— איך? — האָט זיא ווידערהאָלט — יאַ, איך בין צייטענווייז געמאַטערט; אָבער דאָס וועט פאַרבייגעהן, אויב דוא וועסט קיין מאָהל וועגען דעם מיט מיר ניט ריידען. נור דאַן מאַטערט מיך, ווען דוא רעדסט מיט מיר וועגען דעם.

— איך פאַרשטעה ניט — האָט ער געזאָגט.

— איך ווייס — האָט זיא איהם איבערגעשלאָגען — וויא שווער עס איז דיין נאַטור ליגען צו זאָגען, איך האָב אויף דיר רחמנות. אָפט דיינק איך, וויא דוא האָסט רואינירט דיין לעבען פון מיינטוועגען.

— איך האָב דאָסזעלבע געדיינקט נור וואָס — האָט ער געזאָגט — וויא פון מיינט וועגען האָסט דוא געקענט אָפּפערן מיט אַלעס? איך קאָן זיך ניט פערצייהען דאָס, וואָס דוא ביסט אונגליקליך.

— איך אונגליקליך? — האָט זיא געזאָגט, צונעהענטערנדיג זיך צו איהם און קוקענדיג אויף איהם מיט אַן ענטציקטען שמייכעל פון ליעבע — איך,

איך בין וויא א הונגעריגער מענש, ווענען מען האט געגעבען עסען. עס קאן זיין, אז אזא מענשען איז קאלט און אז זיינע קליידער זיינען צוריסען און עס איז איהם א שאנדע, אבער ער איז ניט אונגליקליך. איך אונגליקליך? ניין, אט איז מיין גליק....

זיא האט דערהערט דיא שטימע פון איהר קומענדען זוהן, און א ווארף טאהנדיג א שנעלען בליק אויף דער טערראסע, איז זיא האסטיג אויפגעשטאנען. איהר בליק האט זיך אנגעצונדען מיט דעם פייער, וואס איז איהם געווען אזוי בעקאנט אין איהר, מיט א שנעלער בעוועגונג האט זיא אויפגעהויבען איהרע שעהנע, מיט רינגען בארעקטע הענד, האט אנגענומען זיין קאפ, האט איהם אנגעקוקט מיט א לאנגען בליק, האט צוגעלייגט איהר געזיכט מיט דיא אפענע, שמייכלענדע ליפען, האט האסטיג געקושט זיין מויל און ביידע אויגען און אבגעשטויסען. זיא האט געוואלט געהן, אבער ער האט זיא צוריק געהאלטען.

— ווען? — האט ער געמורמעלט, קוקענדיג אויף איהר מיט ענטציקונג.

— היינט איינס א זייגער — האט זיא א שעפצע געטאהן, שווער זיך אבזיפצענדיג און איז מיט איהר לייכטען און שנעלען גאנג אוועק באגעגענען איהר זוהן.

דער רעגען האט געכאפט סעריאזשאן, ווען ער איז געווען אין גרויסען גארטען און ער איז מיט דער ניאניא איבערגעזעסען דעם רעגען אין בעסעדקע.

— נו, אויף ווידערזעהען — האט זיא געזאגט ווראנסקין — איצט דארף מען שנעל זיך צוקלייבען צו דיא רייסעס. בעטסי האט פערשפראכען פארפאהרען נאך מיר.

ווראנסקי האט א קוק געטאהן אויפ׳ן זייגער און איז איילענדיג אוועקגעפאהרען.

## 24.

ווען ווראנסקי האט א קוק געטאהן אויפ׳ן זייגער ביי קארענין אויפ׳ן באלקאן, איז ער געווען אזוי צוטראגען און פערנומען מיט זיינע געדאנקען, אז ער האט געזעהען בלויז דיא ווייזערס אויפ׳ן ציפערבלאט, האט אבער ניט געקאנט פארשטעהן וויפיעל דער זייגער איז. ער איז געווען אזוי איבערפילט מיט זיינע געפיהלען צו אננא, אז ער האט גאר ניט געטראכט וויפיעל דער זייגער איז און אויב ער האט נאך צייט צו פאהרען צו בריאנסקין.

ער איז צוגעגאנגען צו זיין קוטשער, וועלכער איז איינגעשלאפען אין אויפוועקענדיג איהם, איז ער אריינגעשפרונגען אין קאליאס און האט געהייסען פאהרען צו בריאנסקין. ערשט דאן, ווען ער איז שוין אבגעפאהרען א ווארסט זיבען, איז ער געקומען צו זיך, האט א קוק געטאהן אויפ׳ן זייגער און האט פערשטאנען, אז עס איז האלב זעקס און אז ער האט פארשפעטיגט.

אין דעם טאג זיינען געווען עטליכע מינים רייסעס און ערשט אין דיא

דריטע רייסעס, וועלכע האָבען געדאַרפט זיין אויף א שטח פון פיער וויאָרסט, האָט ער געדאַרפט בעטהייליגען זיך. צו זיינע רייסעס האָט ער נאָך געקאָנט בע־וויזען, אָבער אויב ער זאָל פריהער פאָהרען צו בריאנסקין וועט ער ערשט קאָנען קומען צו זיינע רייסעס ווען דער גאַנצער קייזערליכער הויף וועט שוין זיין אויפ'ן פלאַץ, און דאָס איז ניט גוט. ער האָט אָבער בריאנסקין פערשפּראָכען, אז ער וועט קומען אָברעכענען זיך און ער האָט געהייסען דעם קוטשער פאָהרען ווייטער און יאָגען דיא פערד אָהן רחמנות.

ער איז צוגעפאָהרען צו בריאנסקי, האָט איהם אָפּגע'פּטור'ט אין פינף מינוט צייט און איז געפלויגען צוריק. דיא שנעלע יאזדע האָט אידם בערוהיגט. דיא גאַנצע שווערקייט פון דער לאַגע אין זיינע בעציהונגען צו אננא, דיא אונבע־שטימטקייט וואָס איז געבליבען נאָך זייער היינטיגען געשפּרעך, דאָס אַלעס אי־שוין איהם איצט ארויסגעשפּרונגען פון זינען. ער האָט איצט מיט הנאה גע־טראַכט וועגען דיא רייסעס, אז ער וועט קומען אין דער צייט און וועט זיך בעטהיי־ליגען; און ווײלע־ווייז האָט אויפגעפלאַמט אין זיין פּאַנטאַזיע דער תענוג וואָס ער וועט האָבען, דיא ערוואַרטונג אז היינט בייִנאַכט וועט ער זיך טרעפען מיט איהר.

דאָס געפיהל פון דיא בעפאָרשטעהענדע רייסעס האָט אַלץ מעהר און מעהר איהם ארומגעכאַפּט, וואָס ווייטער ער איז געקומען צו דעם פּלאַץ און צו דער אַטמאָספערע פון דיא רייסעס, איבעריאָגענדיג עקיפּאַזשען, וואָס זיינען גע־פאָהרען פון דיא דאַטשעס און פון פּעטערבורג צו דיא רייסעס.

אויף זיין קוואַרטיר איז שוין קיינער ניט געווען — אַלע זיינען שוין אוועק צו דיא רייסעס און דער לאַקיי איז געשטאַנען אין טיהר און האָט געוואַרט אויף איהם. אין דער צייט וואָס ער האָט זיך איבערגעטאָהן האָט דער לאַקיי איהם גע־מעלדעט, אז עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען דיא צווייטע רייסעס, אז פיעלע הערען זיינען געקומען נאָכפרעגען זיך אויף איהם, און פון פערד־שטאַהל איז שוין דער יונג צוויי מאָל געקומען צו לויפען.

ער האָט זיך איבערגעטאָהן אָהן איילעניש (ער האָט קיין מאָהל גאָר נישט געטאָהן מיט אימפּעט און האָט ניט פערלאָרען זיין זעלבסט־קאָנטראָל) און האָט דערנאָך געהייסען פאָהרען צו דיא לאַגערן. פון דאַנען האָט ער שוין געזעהען א ים מיט עקיפּאַזשען, מאַסען פוסגעהער, סאָלדאַטען און איוווילנע, וואָס האָבען ארומגערינגעלט דעם היפּאָדראָם און דיא בעסעדקעס, וואו עס האָט געקאָכט פון מענשען. עס זיינען נאָך אַפּנים אָנגעגאַנגען דיא צווייטע רייסעס, ווארום ער האָט געהערט דעם קלונג־סיגנאַל, ווען ער איז אריין אין שטאַהל און האָט בעגעג־נענט דעם רויטען פערד מיט ווייסע פיס, מאַכאָטינס „גלאַדיאַטאָר“, וועלכען מען האָט געפיהרט צום היפּאָדראָם.

— וואו איז קאָרד? — האָט ער א פרעג געטאָהן דעם שטאַהל־קנעכט.

— זיי זאָטלען אָן דעם פערד.

אין דער אָפענער סטאַילע איז שוין זיין קליאַטשע פרו־פרו געווען אָנגע־זאָטעלט. מען האָט זיך געקליבען ארויספיהרען איהר.

— ניט פאַרשפּעטיגט?

# אננא קארענינא

— אָלל־ראיט ! אָלל־ראיט ! — האָט געענטפּערט דער ענגלענדער — זייט נור ניט צוטראָגען.

ווראָנסקי האָט נאָך אַמאָל אַ וואָרף געטאָהן אַ בליק אויף דיא פּרעכטיגע פֿאָרמען פון זיין פּרו־פּרו, וועלכע האָט געציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער. איהם איז געווען שווער אָבצורייסען זיך פון דעם דאָזיגען בילד, איז אָבער ענדליך ארויס פון שטאַהל. ער איז צוגעקומען צום פּלאַץ פּונקט אין אַ בעקוועמער צייט אום ניט צו ציהען אויף זיך קיינעמס אויפמערקזאַמקייט. עס האָבען זיך נור וואָס געענדיגט דיא צוויי־וויאָרסטיגע רייסעס, און אַלעמענס אויגען זיינען געווען איצט געווענדעט צו דעם קאַוואַלערגאַרד פאַראויס און לייבהוזאַר פון הינטען, וועלכע האָבען געיאָגט מיט דיא לעצטע קרעפטען זייערע פערד צוקומענדיג נאָהענט צום זייל. אין מיטען און ארום דעם צירקעל האָבען זיך אַלע געשטופּט צום זייל, און קאַוואַלערגאַרדישע גרופּען סאָלדאַטען און אָפיצערען האָבען מיט הויכע אויסגעשרייען אויסגעדריקט זייער פרייד פאַר דעם ערוואַרטעטען זיעג פון זייער אָפיציער און קאַלעגע.

ווראָנסקי איז אונבעמערקט אריין אין רעכטען מיטען פון דער מאַסע ווען עס האָט זיך דערהערט דער גלאָק־סיגנאַל אַז דיא צווייטע רייסעס האָבען זיך געענדיגט. דער הויכער, מיט בלאָטע בעשפּריצטער קאַוואַלערגאַרד, וועלכער איז געקומען צו רייטען דער ערשטער, האָט זיך אָבגעלאָזען אין זאָטעל, האָט אָבגעלאָזען דיא ציימעל פון זיין גרויען זשערעבעץ וועלכער איז געוואָרען דונקעל פון שוויס און האָט שווער געאָטהעמט. דער זשערעבעץ האָט איינגעשטעלט דעם שנעלען געלויף פון זיין גרויסען קערפּער און דער קאַוואַלערגאַרדישער אָפיצער, וויא איינער וועלכער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שווערען שלאָף, האָט זיך אומגעקוקט ארום זיך און האָט מיט מיה אַ שמייכעל געטאָהן. אַ מאַסע פון אייגענע און פרעמדע האָט איהם ארומגערינגעלט.

ווראָנסקי האָט מיט אַ כיון אויסגעמיידט דיא מאַסע פון דיא העכערע, אויסגעוועהלטע פון דער געזעלשאַפט. ער האָט דערקענט, אַז דאָרט איז געווען אויך קאַרענינא, און בעטסי, און זיין ברודער׳ס פרוי, און ער איז אומישנע ניט צוגעגאַנגען צו זיי. אָבער דאָך האָבען זיך איהם בעגעגענט אָהן אויפהער בעקאַנטע און האָבען איהם יעדען מאָמענט אָבגעשטעלט, האָבען איהם דערצעהלט דיא איינצעלהייטען פון דיא פריהעריגע רייסעס און האָבען זיך נאָכגעפרעגט פאַר וואָס ער האָט זיך פערשפּעטיגט.

אין דער צייט ווען דיא בעטהייליגטע אין דיא רייסעס זיינען צוגערופען געוואָרען צו בעקומען זייערע עהרען־פּרייזען און אַלע האָבען זיך אַ קעהר געטאָהן אהין, איז ווראָנסקיס עלטערער ברודער אַלעקסאַנדער צוגעגאַנגען צו איהם. זיין ברודער, אַ פּאָלקאָווניק מיט אקסעלבאַנטען, איז אויך געווען ניט געוויקסיג, אויך אַזאַ געזונדער, געזעצטער, וויא אַלעקסיי, אָבער שעהנער און רויטער פון איהם, אָבוואָהל מיט אַ רויטע נאָז און מיט אַ שיכורען, אָפענעם פּנים.

— האָסט דו בעקומען מיין צעטעלע ? — האָט ער געזאָגט, — מען קען דיך קיין מאָהל ניט געפינען.

# אננא קארענינא

ניט קוקענדיג אויף זיין אויסגעלאסענעם, פערשיכורטען לעבען איז אלעקסאנדער ווראָנסקי פאָלשטענדיג געווען א מענש פון דער קייזערליכער הויף־סוויטע. ריידענדיג איצט מיט זיין ברודער וועגען זעהר אן אונאנגענעהמע זאך און ווייסענדיג, אז אלעמענס אויגען זיינען אויף זיי געווענדעט, האט ער געהאט א שמייכלענדען, זאנפטען פנים, אזוי וויא ער וואָלט שפאסען מיט'ן ברודער וועגען עפעס וואס איז ניט וויכטיג.

— איך האָב ערהאלטען דיין צעטעלע און פארשטעה ווירקליך ניט, וועגען וואס דו זאָרגסט אזוי — האט געזאָגט אלעקסיי.

— איך זאָרג וועגען דעם, וואס מען האט מיר נור־וואס בעמערקט, אז דו ביכט ניטא און וואס מאָנטאג האט מען דיך בעגעגענט אין פעטערהאָף.

— עס זיינען פאראן אנגעלעגענהייטען, וועגען וועלכע עס דארפען אור־טהיילען בלויז דיא, וואס זיינען דירעקט דעריין פעראינטערעסירט, און דיא אנגעלעגענהייט, וועגען וועלכער דו ביסט אזוי בעזאָרגט, איז אזא...

— יא, אָבער אויב אזוי, דאן דיענט מען ניט אין...

— איך בעט דיך ניט אריינצומישען זיך, דאס איז אלעס — האט איהם איבערגעשלאָגען אלעקסיי.

זיין אָנגעוואָלקענטער פנים איז בלייך געוואָרען און דיא אונטערשטע באקען־טהיילען האָבען א ציטער געטאָהן, וואס עס פלעגט מיט איהם זעהר זעלטען פאסירען. אלס זעהר א גוטהערציגער מענש, פלעגט ער זעלטען אין כעס ווערען, אָבער ווען ער פלעגט שוין אין כעס ווערען, ווען ביי איהם פלעגט א ציטער טאָהן דער אונטערשטער טהייל פנים, דאן איז ער געווען געפעהרליך, און אלעקסאנדער ווראָנסקי האט דאס געוואוסט. אלעקסאנדער ווראָנסקי האט א שמייכעל געטאָהן.

— איך האָב בלויז געוואָלט דיר איבערגעבען מאמאס בריעף. ענטפער איהר און ווער ניט נערוועז פאר'ן רייטען. באָן שאנס! — האט ער צוגעלעגט מיט א שמייכעל און איז אוועק פון איהם.

אָבער באלד נאך דעם האט ווידער א פריינדליכע בעגריסונג אָבגעשטעלט ווראָנסקין.

— דוא ווילסט שוין ניט וויסען פון פריינד! גוט מאָרגען, מאָן־שער! — האט איהם אָבגעהאלטען סטעפאן ארקאדיעוויטש. וועלכער האט דא, אין פעטער־בורגער גלאנץ, געשיינט ניט ווייניגער וויא אין מאָסקווא, מיט זיין רויטען פנים און צוקאמטע באקען־בארדען — איך בין ערשט נעכטען געקומען צופאָהרען און עס פרעהט מיך זעהר, וואס איך וועל זעהען דיין טריאומף. ווען וועלען מיר זיך טרעפען?

— קום אריין מאָרגען אין קלוב — האט געזאָגט ווראָנסקי און א דריק טאָהנ'דיג דעם ארבעל פון זיין מאנטעל, האט ער זיך גע'טשולדיגט און איז אוועק צום מיטען פון היפאָדראָם, וואוהין מען האט שוין אריינגעפיהרט דיא פערד פאר דיא גרויסע רייסעס.

דיא פארשוויצטע, אויסגעמאטערטע פערד פון דיא פריהעריגע רייסעס זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען אהיים און איינע נאך דיא אנדערע זיינען ער־

שיינען נייע, פרישע, מעהרסטענטהייל ענגלישע פערד. צו רעכטס האָט מען געפיהרט דיא שעהנהייט פרו־פרו, וועלכע האָט געטראָטען מיט איהרע עלאסטישע און לאנגע פיס וויא אויף פרוזשינעס. ניט ווייט פון איהר האָט מען געפיהרט מאכאטינס „גלאדיאטאָר“. דיא גרויסע, רעגעלמעסיגע פאָרמען פון דעם זשערעבעץ האָבען געצויגען אויף זיך ווראָנסקים אויפמערקזאמקייט. ער האָט געוואָלט צוגעהן צו זיין פערד, וויא איהם האָט שוין ווידער אָבגעשטעלט א בעקאנטער.

— און אָט איז קארענין — האָט איהם א זאָג געטאָהן דער בעקאנטע־מיט וועלכען ער האָט זיך אָבגעשטעלט ריידען — ער זוכט זיין פרוי, און זיא זיצט דאָרט אין מיטען בעסעדקע. איהר האָט זיא ניט געזעהען?

— ניין, ניט געזעהען — האָט געענטפערט ווראָנסקי און האָט זיך אפילו ניט א קעהר געטאָהן אָנצוזעהען דעם פלאטץ, וואו מען האָט איהם אָנגעוויזען, אז קארענינא זיצט. ער איז צוגעגאנגען צו זיין פערד.

ווראָנסקי האָט נאָך ניט צייט געהאט צוצוקוקען זיך צום זאָטעל, וועגען וועלכען ער האָט געדאַרפט הייסען עפּעס וויא איינצואָרדנען, ווען מען האָט דיא טהייל־נעהמער אין דיא רייסעס א רוף געטאָהן צו דער בעסעדקע, וואו זיי האָבען געדאַרפט ציהען נומערען. מיט ערנסטע, שטריינגע, מאנכע מיט בלייכע פנים׳ער זיינען זיבעצעהן אָפיצערען צוגעגאנגען צו דעם באשטימטען פלאץ און האָבען געצויגען דיא נומערען. ווראָנסקי האָט בעקומען נומער 7. עס האָט זיך דערהערט דער סיגנאל: זעצט זיך.

פיהלענדיג אז ער צוזאמען מיט דיא איבעריגע זיינען איצט דער מיטעלפונקט, אויף וועלכען אלעמענס אויגען זיינען אויסגעשטעלט איז ווראָנסקי, לאנגזאם און רוהיג אין זיינע בעוועגונגען, וויא מיט איהם פלעגט אימער זיין ווען ער איז געווען אין אן אָנגעשטריינגטען צושטאנד, צוגעגאנגען צו זיין פערד. דער ענגלענדער מר. קאָרד האָט צוליעב דער פייערליכקייט פון דיא רייסעס אָנגעטאָהן זיך אין זיין יום־טוב׳דיגען קאסטיום. ער איז געווען וויא אימער רוהיג און גדלות׳דיג און האָט אליין געהאלטען ביידע זייטען ציימעל פון פערד, שטעהענדיג אין פראָנט פון קאפּ. פרו־פרו האָט אלץ געציטערט וויא אין קדחת. איהר אויג פול מיט פייער האָט זייטיג געקוקט אויף דעם צוקומענדען ווראָנסקי.

ווראָנסקי האָט אונטערגערוקט דעם פינגער אונטערן אָנגעצויגענעם רימען פון זאָטעל ארום בויך פון פערד. פרו־פרו האָט נאָך קרימער א בליק געטאָהן, איז בייזלעך געוואָרען און האָט אָנגעשטעלט אן אויער. דער ענגלענדער האָט א קנייטש געטאָהן מיט דיא ליפּען, וועלענדיג אויסדריקען א שמייכעל, וואָס מען נעהמט זיך נאָכקוקען זיין אָנזאָטלונג.

— זעצט זיך, וועט איהר וויניגער אונרוהיג זיין.

ווראָנסקי האָט א לעצטען בליק געגעבען אויף זיינע קאָנקורענטען. ער האָט געוואוסט אז פליהענדיג רייטענדיג אין דיא רייסעס וועט ער זיי ניט זעהען שוין. צוויי זיינען שוין געפאָהרען פאָראויס צום פלאטץ, פון וואנען זיי דארפען זיך אָוועקלאָזען. גאלצין, איינער פון זיינע געפעהרליכסטע קאָנקורענטען און זיינער א פריינד, האָט זיך נאָך אלץ ארומגעדרעהט ארום זיין דונקעל־ברוינעם זשערעבעץ, וועלכער האָט איהם ניט געלאָזען ארויפזעצען זיך. דער קליינער לייב־

הוזאַר אין אָנגעצויגענע ריטוזען איז געפּאָהרען אין גאַלאָפּ. צוגויפגעקנייטשט וויא אַ קאָטער, וועלענדיג נאָכאַהמען דיא ענגלענדער. פירכט קוזאָוולעוו איז געזעבען אַ בלייכער אויף זיין בלוטיגער קליאַטשע, וועלכע אַן ענגלענדער האָט געפיהרט פאַר׳ן ציימעל. וורא̇נסקי מיט זיינע פריינד האָבען גוט געקענט קוזאָוולעווס „שוואַכע“ נערווען און גרויסע גאוה. איינעם האָט נור וורא̇נסקי ניט געזעהען — זיין הויפּט קאָנקורענט, מאַכאָטין אויפ׳ן „גלאַדיאַטאָר“.

— איילט זיך ניט — האָט קאָרד געזאָגט וורא̇נסקין — און געדיינקט איין זאַך: ווען עס וועט קומען אַריבערצושפּרינגען איבער דיא שטערונגען, ניט האַלט צוריק און ניט טרייבט, לאָזט איהר אַליין אויסקלייבען וויא בעסער, וויא זיא אַליין וויל.

— גוט, גוט — האָט געזאָגט וורא̇נסקי אַ נעהם טאָהנ׳דיג דיא לייצעס.

— אויב מעגליך, זייט דער ערשטער פאָראויס, אָבער פאַרצווייפעלט ניט ביז דער לעצטער מינוט, אויב אייך זאָל אפילו אויסקומען צו זיין גאָר פון הינטען.

דער פערד האָט נאָך ניט בעוויזען אַ ריהר צו טאָהן זיך וויא וורא̇נסקי האָט זיך מיט אַ פלינקער און בייגזאַמער בעוועגונג שוין אַריינגעזעצט אין זאָטעל און דיא געוועהנטע פינגער אַריינגענומען דיא דאָפּעלטע צוים־רימענס. פרו־פרו האָט אַ ציה געטאָהן מיט איהר לאַנגער האַלז דיא צוים, האָט זיך אַ ריהר געטאָהן וויא אויף פרוזשינעס, ווינענדיג דעם רייטער אויף איהר בייגזאַמען רוקען. קאָרד איז נאָכגעגאַנגען שנעל. דער אונרוהיגער פערד האָט געצויגען דיא צוים־רימענס דאָס פון איין זייט, דאָס פון דער אַנדערער, זוכענדיג אַלץ אָבצונאַרען דעם רייטער, און וורא̇נסקי האָט אומזיסט זיך בעמיהט מיט זיין שטימע און מיט׳ן האַנד בערוהיגען איהם.

פיעלע פון דיא טהיילנעהמענדע האָבען געריטען פאָראויס, פיעלע פון הינטען; זיי זיינען שוין געווען באַלד נאָהענט פון דעם פונקט, פון וואַנען זיי דאַרפען זיך אָוועקלאָזען, וויא פלוצלונג האָט וורא̇נסקי דערהערט הינטער זיך איבער דעם בלאָטיגען וועג דאָס גאַלאָפּירען פון אַ פערד און איהם האָט איבערגעיאָגט מאַכאָטין אויף זיין ווייס־פיסיגען „גלאַדיאַטאָר“. מאַכאָטין האָט אַ שמייכעל געטאָהן, אויסשטעלענדיג זיינע לאַנגע צייהנער, אָבער וורא̇נסקי האָט אויף איהם בייז אַ קוק געטאָהן. ער האָט איהם קיין מאָל ניט געליעבט, בפרט איצט ווען ער האָט איהם גערעכענט פאַר זיין געפעהרליכסטען קאָנקורענט, און איהם האָט געקריינקט פאַר וואָס ער האָט איצט פערבייגאַלאָפּירט פערביי איהם, צורייצענדיג זיין פערד. פרו־פרו האָט שוין אַ וואָרף געטאָהן איהר לינקע פוס אָנצופאַנגען גאַלאָפּירען, האָט געמאַכט צ׳ווי שפּרונגען, זייענדיג בייז פאַר דער אָנגעצויגענער צוים, איז דערנאָך איבערגעגאַנגען אין לייכטען לויפען, טרויסלענדיג דעם רייטער: קאָרד האָט זיך אויף אָנגעוואָלקענט און האָט כמעט לויפענדיג נאָכגעפאָלגט וורא̇נסקין.

## 25.

זיבעצעהן אָפיציערען זיינען געריטען אין דיא רייסעס, וועלכע האָבען געדאַרפט פאַרקומען אויף אַ גרויסען פיער־ווייאָרסטיגען קרייז אין פראָנט פון אַ בעסעדקע, וואו דיא ריכטער זיינען געווען. אויף דעם דאָזיגען קרייז זיינען געמאַכט געוואָרען נייען הינדערניסען: אַ טייך, אַ גרויסע צוויי־אַרשיניגע פאַרענצע, וועלכע איז געווען לעבען דער בעסעדקע, אַ טרוקענער גראָבען, אַ גראָבען מיט וואַסער, אַ באַרג־אַראָב און איינע פון דיא שווערסטע הינדערונגען: אַ בערגעל אָנגעשטעקט מיט טרוקענע צווייגען און הינטער'ן בערגעל, וואָס דער פערד קאָן ניט זעהען, ערשט אַ גראָבען, אַזוי אַז דער פערד מוז אַריבערשפּרינגען ביידע הינדערונגען צוזאַמען ניט געזעהענערהייט אָדער געה'רג'ט ווערען, און דערנאָך ערשט נאָך צוויי גראָבענס — אַ טרוקענע און מיט וואַסער און דיא ענדע פון דיא רייסעס איז געווען אַנגעגען דער בעסעדקע. אָבער דיא רייסעס האָבען זיך אָנגעהויבען ניט פון דעם קרייז גופא, נור אַ הונדערט קלאַפטער פון דער זייט פון קרייז און אויף דער דאָזיגער שטרעקע איז געווען דיא ערשטע הינדערונג, דער פאַרהרעבליעטער טייך דריי אַרשין דיא ברייט, וואו דיא רייטער האָבען געקענט וויא זיי ווילען אַריבערשפּרינגען אָדער אַריבערפאָהרען אין וואַסער.

אַמאָל דריי האָבען זיך דיא רייטער אויסגעגלייכט, אָבער יעדען מאָל האָט זיך איינעמ'ס אַ פערדישער קאָפּ ארויסגערוקט פאָראויס און מען האָט ווידער געדאַרפט אָנהויבען. דער אַוועקלאָזער פון דיא רייסעס, פּאָלקאָווניק סעסטרין האָט שוין אָנגעהויבען אין כעס צו ווערען, ווען ער האָט ענדליך צום לעצטען מאָל אַ געשריי געטאָהן: „געגאַנגען!“ און דיא רייטער האָבען זיך אַ ריהר געטאָהן.

אַלע אויגען, אַלע בינאָקלען זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף דעם בונטען הייפעל רייטער אין דער צייט, ווען זיי האָבען זיך אויסגעגלייכט.

„אַוועקגעלאָזען זיך! זיי לויפען!“ האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטען נאָך דער שטילקייט פון וואַרטען. און הייפלעך מענשען און איינציגע האָבען אָנגעהויבען איבערלויפען פון איין פלאַץ אויף דעם אַנדערען, כדי בעסער צו זעהען. אין דער ערשטער מינוט האָט זיך דער געזאַמעלטער הייפעל פון רייטער צוצויגען און עס האָט זיך געזעהען וויא זיי קומען צו נעהנטער צום טייך צו צוויי, צו דריי און איינער נאָכ'ן אַנדערן. פאַר דיא צושויער האָט אויסגעזעהען, אַז זיי זיינען אַלע געריטען צוזאַמען, נור צווישען דיא רייטער אַליין זיינען געווען אונטערשיידען פון סעקונדען, וואָס האָט געהאַט פאַר זיי אַ גרויסע בעדייטונג.

פרו־פרו, אַ אונרוהיגע און צו נערוועזע, האָט דעם ערשטען מאָמענט פערלאָרען, און עטליכע פערד זיינען אַוועק פון אָנהויב פריהער פון איהר, אָבער נאָך ניט דערגאַלאָפּירענדיג ביז'ן טייך האָטווראָנסקי שוין איבערגעיאָגט דריי, וואָס זיינען געווען פאַר איהם און פאָראויס איז בלויז געבליבען מאַכאָטינס רויטער „גלאַדיאַטאָר“, וועלכער איז גלייך און לייכט מיט זיין הינטען אויסגעקומען

פאַר וורָאנסקין, און גאָר ווייטער פאָראויס האָט דיא פרעכטיגע דיאַנאַ געטראָגען דעם ניט טויטען ניט לעבעדיגען קוזאוולעווען.

אין דיא ערשטע מינוטען האָט וורָאנסקי נאָך ניט באהערשט ניט זיך. ניט זיין פערד. ביז דער ערשטער הינדערניס האָט ער נאָך ניט קלאָהר געוואוסט דיא בעוועגונגען פון זיין פערד אום צו ריכטען זיך נאָך זיי.

„גלאַדיאַטאָר“ און „דיאַנאַ“ זיינען צוזאַמען גלייך צוגעקומען צום טייך און אין איין און דעמזעלבען מאָמענט — איינס־איינס, האָבען זיי זיך א הויב געטאָהן איבער’ן טייך און זיינען אריבערגעפלויגען אויף דער אַנדער זייט; אונבעמערקט, אַזוי וויא זיא וואָלט געפלויגען, האָט א שוועב געטאָהן גלייך נאָך זיי פרו־פרו; אָבער אין דערזעלבער צייט וויא וורָאנסקי האָט זיך דערפיהלט אין לופט, האָט ער פלוצלונג דערזעהען כמעט אונטער דיא פיס פון זיין פערד קוזאוולעווען, וועלכער האָט זיך געקייקעלט מיט דיאַנאַ אויף דער צווייטער זייט טייך. (קוזאוולעוו האָט נאָך געלאָזען דיא לייצעס נאָך דעם שפרונג, און דער פערד האָט א פאַל געטאָהן איבער’ן קאָפּ אוועק־קייקלענדיג זיך אין בלאָטע מיט קוזאוולעווען.) דיא איינצעלהייטען וועגען דעם אונגליקספאַל האָט וורָאנסקי זיך דערוואוסט שוין דערנאָך, איצט האָט ער אָבער בלויז געזעהען, אַז גלייך אונטער דיא פיס, וואו עס האָט זיך געדאַרפט א שטעל טאָהן פרו־פרו, קאָן אויסקומען דער קאָפּ אָדער א פוס פון דיאַנאַ. אָבער פרו־פרו האָט געמאַכט אַן אָנשטריינגענדען שפרונג מיט איהר רוקען און דיא פיס, וויא א פאַלענדע קאַץ, איז פאַרביי דעם געפאַלענעם פערד און האָט זיך אוועקגעטראָגען ווייטער.

— א, ליעבינקע! — האָט א טראַכט געטאָהן וורָאנסקי.

נאָך דעם טייך האָט שוין וורָאנסקי פאָלשטענדיג בעהערשט זיין פערד און האָט איהם אָנגעהויבען איינצוהאַלטען, פאַרמעסטענדיג זיך אריבערצושפּרייזען דיא גרויסע פאַרענצע גלייך הינטער מאַכאָטינען און שוין אויף א ווייטערן שטח, פאַר א צוויי הונדערט קלאַפטער ווייטער פרובירען איבעריאָגען איהם.

דיא גרויסע פאַרענצע, וועלכע ער האָט געהאַט איבערצושפרינגען מיט זיין פערד, איז געווען אקוראַט לעבען דער בעסעדקע, וואו עס איז געזעסען דיא צאַרסקע סוויטע — דער קייזער און דיא גאַנצע סוויטע, וויא אויך מאַסען פון פאָלק — אַלע האָבען געקוקט אויף זיי, אויף איהם און אויף מאַכאָטינס פערד, וואָס איז געווען אויף דעם שטח פון איין פערד פאָראויס פון איהם.

וורָאנסקי האָט געפיהלט דיא בליקען, וואָס זיינען געווען אויף איהם געריכטעט פון אַלע זייטען, אָבער געזעהען האָט ער גאָרנישט אויסער דיא אויערן און דעם נאַקען פון זיין פערד, דיא ערד וואָס איז געלאָפען איהם אנגעגען און דיא ווייסע פיס פון „גלאַדיאַטאָר“, וועלכע האָבען זיך געטראָגען פאַר איהם און געלאָזען איהם אַליין אויף דעמזעלבען שטח פון זיך. „גלאַדיאַטאָר“ האָט זיך א הויב געטאָהן, האָט א פאָכע געטאָהן מיט דעם קורצען עק און איז פערשוואונדען פון וורָאנסקיס אויגען.

— בראַוואָ! — האָט א זאָג געטאָהן עמיצענס שטימע.

אין דעמזעלביגען אויגענבליק האָבען פאַר וורָאנסקיס אויגען א בלאַנק געטאָהן דיא ברעטער פון דער פאַרענצע. זיין פערד האָט אָהן דער מינדעסטער ענ־

דערונג אין איהרע בעוועגונגען אַ שוועב געטאָהן אונטער איהם; דיא ברעטער זיינען פערשוואונדען, נור פון הינטען האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָהן. אַ צוהיצטער פון „גלאַדיאַטאָר", וועלכער איז געפלויגען פאָראויס האָט זיך זיין פערד אַ הויב געטאָהן צו פריה און איהרע הינטערשטע קאָפּיטעס האָבען זיך אַ קלאַפּ געטאָהן אָן דער פּאַרענצע. אַ שטיק בלאָטע האָט אַ שמיץ געטאָהן ווראָנסקין אין פּנים און ער האָט פערשטאַנען אַז ער איז נאָך אַלץ אויף דעמזעלבען שטח ווייט פון „גלאַדיאַטאָר". ער האָט דערזעהען ווידער פאַר זיך דעם קורצען עק און ווידער דיא ווייסע פיס וואָס טראָגען זיך פאָראויס.

אין דעם אויגענבליק, ווען ווראָנסקי האָט אַ טראַכט געטאָהן וועגען דעם, אַז איצט איז דיא צייט אַריבערצויאָגען מאַכאָטינען, האָט פרו־פרו אַליין שוין פערשטאַנען, וואָס ער האָט געטראַכט, און האָט אָהן יעדען אנשטויס פון זיין זייט אַ בעדייטענדען ציה געטאָהן זיך און האָט זיך דערנעהענטערט צו מאַכאָטין פון דער בעקוועמסטער זייט, פון דער זייט פון שטריק. פרו־פרו'ס רוקען איז שוין געוואָרען טונקעל פון שוויים און האָט זיך אויסגעגלייכט מיט „גלאַדיאַטאָר". עטליכע שפּרינגען האָבען זיי געמאַכט צוזאַמען אין אַ גלייכע שורה. זיי זיינען איצט צוגעקומען צו דער ווייטערער הינדערנים, ווראָנסקי האָט געאַרבייט מיט'ן צוים און ווען זיי זיינען אַריבערגעשפּרונגען די בערגעל איז שוין ווראָנסקי געווען פאָראיבער מאַכאָטינען. איהם האָט נור אַ בלאַנק געטאָהן זיין פּנים בעשפּריצט מיט בלאָטע. איהם האָט זיך זאָגאַר געדוכט, אַז ער האָט אַ שמייכעל געטאָהן. ווראָנסקי האָט אַריבערגעיאָגט מאַכאָטינען, ער האָט אָבער געפיהלט, אַז יענער איז אַזוי נאָהענט הינטער איהם; ער האָט געפיהלט נאָהענט פון זיין פּלייצע דעם געגלמעסיגען קלאַפּ פון דיא טריט און געפיהלט דעם נאָך גאָר פרישען אטהעם פון „גלאַדיאַטאָר".

דיא פאָלגענדע צוויי הינדערניסע איז ער אַריבער לייכט, אָבער ווראָנסקי האָט געפיהלט נאָך נעהנטער דאָס סאַפּען פון „גלאַדיאַטאָר". ער האָט אָנגעשטריינגט זיין פערד און האָט דערפיהלט מיט פרייד אַז איהר געלויף ווערט שנעלער און ער האָט געפיהלט וויא עס ווייטערט זיך עטוואָס אָב דער קלאַנג פון „גלאַדיאַטאָר'ס" קאָפּיטעס. ווראָנסקי האָט שוין געפיהרט דיא רייסעס, דאָס וואָס ער האָט געוואָלט און וואָס קאָרד האָט איהם געראַטהען — און ער איז איצט געווען זיכער אין זיין ערפאָלג.

זיין אויפרעגונג, זיין פרייד און זיין צערטליכקייט צו פרו־פרו האָט געהאַלטען אין איין שטייגען. איהם האָט זיך געוואָלט אומקוקען זיך אויף צוריק, אָבער ער האָט ניט געוואַגט דאָס צו טאָהן און האָט געזוכט איינצורוהיגען זיך און ניט יאָגען ווייטער זיין פערד, אויפהאַלטען אין איהם דיא קרעפטען, אויב זיי וועלען נויטיג זיין. עס איז איבערגעבליבען נור איין הינדערנים און דיא שווערסטע; אויב ער וועט אַריבערקומען דיא דאָזיגע הינדערנים פריהער פון אַנדערע, דאַן וועט ער קומען דער ערשטער. ער איז איצט צוגעקומען נעהענטער צו דער דאָזיגער שווערסטער הינדערנים. ער און פרו־פרו האָבעןביידע שוין דערזעהען זיא פאָראויס, פון גאַנץ ווייט. ביידע, ער און דער פערד זיינען אויף אַ מאָמענט געווען אין צווייפעל. ער האָט בעמערקט דיא אונענטשלאָסענהייט אין

דיא אויערן פון פערד און ער האָט אויפגעהויבען דעם רוט, אָבער ער האָט זיך גלייך איבערצייגט, אַז זיין צווייפעל איז געוועזן אונבעגרינדעט: פרו־פרו האָט געוואוסט וואָס מען דאַרף. זיא האָט מעסיג פערשנעלערט איהר בעוועגונג, האָט אַ שוועב געטאָהן הויך אָבשטויסענדיג זיך פון דער ערד, האָט זיך איבערגעגעבען דער אינטערשטער קראַפט פון'ם שטויס, וועלכע האָט איהר אַריבערגעטראָגען ווייט איבער'ן גראָבען; און מיט דערזעלביגער מעסיגקייט אָהן אנשטריינגונג, אין דערזעלבער פוס־מאָס האָט פרו־פרו פאָרטגעזעצט דעם רייס.

— בראַוואָ, ווראָנסקי! — האָט ער דערהערט דיא שטימע פון אַ הייפעל מענשען — ער האָט געוואוסט, אַז דאָס שטעהן פריינד פון זיין רעגימענט לעבען דעם דאָזיגען שווערסטען פּלאַץ. ער האָט ניט געקאָנט ניט דערקענען יאשווינס שטימע, ער האָט איהם אָבער ניט געזעהען.

„אָ, מיין פּראַכט!“ האָט ער געטראַכט וועגען פרו־פרו, צוהערענדיג זיך צו דאָס, וואָס קומט פאָר הינטער איהם. „אַריבערגעשפּרונגען!“ האָט ער אַ טראַכט געטאָהן, הערענדיג פון הינטען דעם שפּרונג פון גלאַדיאַטאָר. עס איז איצט געבליבען דיא איינציגע לעצטע הינדערניס, דער לעצטער גראָבען, מיט וואַסער צוויי אַרשין דיא ברייט. ווראָנסקי האָט אויף דעם גראָבען ניט געקוקט. ער האָט געפיהלט, אַז זיין פערד שטריינגט שוין אָן דיא לעצטע כוחות; ניט נור איז איהר נאַקען און פּלייצעס געווען נאַס, נאָר אויף דער גריווע, אויפ'ן קאָפּ, אויף דיא שאַרפע אויערן האָבען אַרויסגעטראָטען טראָפּענס שוויים און זיא האָט געאָטהעמט שניידיג און קורץ. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז עס וועלען נאָך איהר קלעקען דיא כוחות, וויפיעל עס זיינען נויטיג פאַר דיא איבערגעבליבענע 200 קלאַפטער. און בלויז דערפון וואָס ער האָט געפיהלט דיא ערד און ווייכע בעוועגונג, האָט ווראָנסקי פערשטאַנען וואָס פאַר אַ נייע אנשטריינגונג זיין פערד האָט געמאַכט.

פרו־פרו איז לייכט אַריבערגעפלויגען דעם גראָבען, וויא זיא וואָלט איהם גאָר ניט בעמערקען, וויא אַ פויגעל איז זיא איהם אַריבערגעפלויגען; אָבער אין דערזעלבער מינוט האָט ווראָנסקי צו זיין שרעק דערפיהלט, אַז ער אַליין האָט אונפערצייהליך זיך אַרונטערגעלאָזען אין זאָטעל, ניט בעווייזענדיג צו האַלטען זיך אַזוי גוט לויט דעם פליהען פון'ם פערד. פּלוצלונג האָט זיך זיין לאַגע געענדערט נאָך דעם וויא ער האָט געמאַכט אַ בעוועגונג און ער האָט פערשטאַנען, אַז עפּעס שרעקליכעס האָט געטראָפען.

ער האָט נאָך ניט צייט געהאַט צו באַדיינקען וואָס עס האָט געטראָפען, וויא עס האָבען שוין אַ בלאַנק געטאָהן פערביי איהם דיא ווייסע פיס פון מאַכאַטינס זשערעבעץ. ווראָנסקי האָט מיט איין פוס געריהרט דיא ערד און פרו־פרו איז געלעגען אויף דער פוס. ער האָט קוים בעוויזען אַרויסצושלעפען זיין פוס, וויא דער פערד איז אַנידערגעפאַלען אויף איין זייט, שווער כראָפּענדיג און מאַכענדיג אנשטרענגונגען אויפצוהויבען זיך. זיא האָט זיך געצאַפּעלט אויף דער ערד לעבען זיינע פיס, וויא אַן אונטערגעשאָסענער פויגעל. ווראָנסקיס אונבעקוועמע בעוועגונג האָט געבראָכען איהר רוקען. אָבער דאָס האָט ער פערשטאַנען ערשט פיעל שפּעטער.

איצט האָט ער געזעהען בלויז דאָס, וואָס מאַכאָטין האָט זיך אוועקגעטראָגען ווייטער און ער איז געשטאַנען אליין, שאָקלענדיג זיך, אויף דער בלאָטיגער אונבעוועגליכער ערד און לעבען איהם, שווער אטהעמענדיג ליעגט פרו־פרו, און אָנבויגענדיג דעם קאָפּ קוקט זיא אויף איהם מיט איהר פּרעכטיגער אויג. נאָך אלץ ניט פערשטעהענדיג וואָס עס איז פּאָרגעקומען האָט ווראָנסקי געצויגען זיין קליאטשע פאר דער צוימעל. זיא האָט זיך ווידער צוצאפּעלט וויא א פישעלע. מיט א פּנים וואָס האָט זיך געקרימט פון ליידענשאַפט, א בלייכער, דיא אונטערשטע טהייל פון זיין פּנים ציטערענדיג, האָט ווראָנסקי איהר געגעבען א זעץ מיט'ן שטיוועל אין בויך און האָט ווידער אָנגעהויבען צו ציהען דיא צוים. אָבער זיא האָט זיך ניט באוועגט, נור איינשפּארענדיג דיא מאָרדע אין דער ערד האָט זיא געקוקט אויף איהר בעל הבית מיט איהר ריידענדיגען בליק.

— אאא! — האָט א רעווע געטאָהן ווראָנסקי און האָט זיך א כאַפּ געטאָהן פאר'ן קאָפּ — צאא! וואָס האָב איך געטאָהן — האָט ער געשריען — אי דיא רייסעס פערלאָרען, אי מיין אייגענע שולד, שענדליך און אונפערצייהליך! און דיא דאָזיגע אונגליקליכע, רואינירטע פרו־פרו! אאא, וואָס האָב איך געטאָהן!

מענשען, א דאָקטאָר, א פעלדשער, אָפיצערן פון זיין רעגימענט זיינען געלאָפען צו איהם. צו זיין אונגליק האָט ער געפיהלט אז ער איז גאַנץ און אונבעשעדיגט. ביים פערד האָט זיך איבערגעבראָכען דער קרייץ און עס איז בעשלאָסען געוואָרען דערשיסען איהם. ווראָנסקי האָט ניט געקאָנט ענטפערן אויף דיא פראגען, וועלכע מען האָט איהם געשטעלט. האָט מיט קיינעם ניט געקאָנט ריידען. ער האָט זיך אָבגעקעהרט און ניט אויפהויבענדיג אפילו זיין מיליטערישע הוט, וואָס איז אראָפּגעפאלען פון זיין קאָפּ, איז ער אוועק פון היפּאָדראָם, אליין ניט וויסענדיג וואוהין. ער האָט זיך געפיהלט אונגליקליך. צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער געפיהלט דעם שווערסטען אונגליק, אָן אונגליק וואָס קאָן ניט פערריכט ווערען און אזא, אין וועלכען ער אליין איז שולדיג.

יאשווין האָט איהם דעריאָגט מיט זיין היטעל, האָט איהם בעגלייט אהיים, און ערשט אין א האלבע שטונדע ארום איז ווראָנסקי געקומען צו זיך. אָבער דיא עראינערונג פון דיא רייסעס איז לאנג געבליבען אין זיין נשמה אלס דיא שווערסטע און קריינקליכסטע עראינערונג.



דיא אויסערליכע בעציהונגען צווישען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש און זיין פרוי זיינען געווען דיא זעלביגע וויא פריהער. דער איינציגער אונטערשיעד איז געווען, וואָס ער איז איצט געווען מעהר באשעפטיגט אלס פריהער. וויא

אין דיא פריהערע יאָהרען אַזוי איז ער אויך איצט אין פריהלינג געפאָהרען אין אַ באַדע־אָרט קיין אויכלאַנד אום צו ערהאָלען זיך פון זיין צושטערטען געזונד פון דער שווערער ארבייט פאר׳ן ווינטער. און וויא געוועהנליך האָט ער זיך אין מאָנאַט יולי צוריקגעקעהרט מיט געקרעפטיגטער ענערגיע און האָט זיך גענומען פאר זיין געוועהנליכער אַרבייט. וויא אימער האָט זיין פרוי פאר׳ן זומער בעזעצט זיך אין אַ דאַטשע און ער איז פערבליבען אין פעטערבורג.

זינט יענעם געשפרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט איהר נאָך דעם אבענד ביי פירסטין טווערסקאַיאַ, האָט ער צו איהר מעהר קיין מאָל ניט גערעדט וועגען זיינע פערדעכטיגונגען און וועגען זיין אייפערזוכט. ער איז געוועזען אין זיין בענעהמונג עטוואָס קעלטער בלויז צו זיין פרוי. אַזוי וויא ער וואָלט פון איהר בלויז אַביסעל אונצופריעדען זיין, וואָכ זיא האָט איהם ניט געענטפערט וו א עס דארף צו זיין דאַן ווען זיי האָבען געהאַט דעם געשפרעך וועגען דעם. אין זיינע בעציהונגען צו איהר האָט זיך בלויז געפיהלט אַ שאָטען פון פערדרוס און מעהר ניט. „דו האָסט ניט געוואָלט ערקלערען מיר אויף מיינע פראַגען, איז דאָס ערגער פאר דיר; איצט וועסט דו מיך שוין בעטען און איך וועל שוין ניט וועלען געבען קיינע ערקלערונגען.“

„אַלץ ערגער וועט דאָס זיין פאַר דיר“, האָט זיך געטראַכט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וויא אַ מענש וועלכער וואָלט אומזיכט אָנגעשטריינגט זיך צו לעשען אַ שרפה און וואָלט ווערן אין כעס וואָס זיין אַרבייט איז אומזיסט און אַ זאָג געטאָהן: „אָט האָבט דוא דיר דערפאַר! וועסט ווערען פאַרברענט!“

ער, אַזאַ קלוגער מענש אין זיינע אַמטליכע אַנגעלעגענהייטען, האָט ניט פערשטאַנען דעם גאַנצען אונזינן פון אַזאַ בעציהונג צו דער פרוי. ער האָט ניט פערשטאַנען, ווייל איהם איז געווען צו שרעקליך צו פערשטעהן זיין געגענווערטיגע לאַגע, און ער האָט ביי זיך אין האַרצען פאַרדעקט, פאַרזיגעלט יענעם קעסטעל, אין וועלכען עס האָבען זיך איינגעפונען זיינע געפיהלען צו דער פאַמיליע, ד. ה., צו דער פרוי און צו דעם קינד. ער, אַן אויפמערקזאַמער פאטער, איז ענדע ווינטער נאָך געוואָרען קאַלט צו זיין זוהן, און האָט זיך צו איהם פערהאַלטען אויך אַזוי שטעכיג שפאַסהאַפט, וויא צו דער פרוי. „אַ! יונגער מענש!“ האָט ער זיך געווענדעט צו איהם, ווען ער פלעגט מיט איהם דאַרפען ריידען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געטראַכט און האָט גערעדט אַז אין קיין יאָהר איז ביי איהם ניט געוועזען אַזוי פיעל אַמטליכע ארבייט וויא דעם יאָהר; אָבער ער האָט ניט געוואוסט, אַז ער האָט דאָס זיך אַליין צוגעטראַכט ארבייט אין דעם יאָהר, אַז דאָס איז געווען איינער פון דיא מיטלען ניט צו עפענען דעם קאַסטען, וואו עס זיינען געלעגען דיא געפיהלען צו דער פרוי און צו דער פאַמיליע, און דיא געדאַנקען וועגען זיי זיינען געוואָרען אַלץ שרעקליכער, וואָס לייגנער זיי זיינען דאָרט געלעגען. ווען עמיצער וואָלט געהאַט רעכט אַ פרעג צו טאָהן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען, וואָס האָט ער געטראַכט וועגען זיין פרוי׳ס אויפפיהרונג, וואָלט דער צאַרטער, שטילער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קיין זאַך ניט ענטפערען, ער וואָלט בלויז געוואָרען בייז אויף דעם מענשען, וועלכער וואָלט דאָס ביי איהם פרעגען.

דערפון איז דאָס געקומען, וואָס אין דעם אויסדרוק פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס פנים איז געווען עפּעס שטאָלצעס און שטרייגגעס, ווען מען האָט ביי איהם געפרעגט וועגען זיין פרוי׳ס געזונד. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט גאָר ניט געוואָלט טראַכטען וועגען דער אויפפיהרונג און וועגען די געפיהלען פון זיין פרוי און ער האָט ווירקליך וועגען דעם גאָרניט געטראַכט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס שטענדיגע דאַטשע איז געווען אין פּעטערהאָף, און געוועהנליך איז גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ דאַטשע אויך געווען נאָהענט און זיא איז געווען אין שטענדיגע פערבינדונג מיט אננאַ.

אין דעם דאָזיגען יאָהר אָבער האָט דיא גרעפין לידיאַ זיך אָבגעזאָגט פון צו וואָהנען אין פּעטערהאָף און האָט קיין איין מאָל ניט בעזוכט אננאַ׳ן; זיא האָט זאָגאַר געגעבען אָנצוהערענעם אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויף דער אונפּאַסיגער נאָהענטער פריינדשאַפט פון אננאַ מיט בעטסין און וראָנסקין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אידר שטריינג איבערגעשלאָגען אין מיטען דיא רייד, און האָט ערקלעהרט, אַז זיין פרוי שטעהט העכער פון יעדען פערדאַכט, און פון יענער צייט אָן האָט ער אָנגעהויבען אויסצומיידען דיא גרעפין לידיאַ. ער האָט ניט געוואָלט זעהען און האָט ניט געזעהען אַז אין דער געזעלשאַפט קוקען שוין פיעלע קרומלעך אויף זיין פרוי; ער האָט ניט געוואָלט פאַרשטעהן און האָט ניט פערשטאַנען, פאַר וואָס זיין פרוי האָט זיך בעזאָנדערנס איינגעשפּאַרט, אַז מען זאָל נעהמען אַ וואָהנונג אין צאַרסקאָיע סעלאָ, וואו עס האָט געוואָהנט בעטסי און וואו עס איז געווען נאָהענט פון דיא לאַגערען פון וראָנסקיס רעגימענט. ער האָט זיך ניט ערלויבט צו טראַכטען וועגען דעם און ער האָט ניט געטראַכט. אָבער אין דערזעלבער צייט, אָבוואָהל ער האָט דאָס זיך אַליין ניט געזאָגט און האָט דערויף קיין בעווייזע ניט געהאַט, האָט ער ביי זיך טיעף אין האַרצען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער איז אַן אָבגענאַרטער מאַן און איז געווען דערפון העכסט אונגליקליך.

וויפיעל מאָהל, אין דער צייט פון זיין אַכט־יאָהריגען גליקליכען לעבען מיט דער פרוי, קוקענדיג אויף אונטרייע פרויען און אָבגענאַרטע מענער, האָט ער זיך געזאָגט: „וויא קאָן מען דאָס דערלאָזען אַזוי? וויא צורייסען דאָס מענשען ניט אַזאַ אונגעלומפּערטע לאַגע?“ אָבער איצט ווען דיא צרה איז געקומען אויף זיין אייגענעם קאָפּ, האָט ער ניט בלויז ניט געטראַכט, וויא צו צורייסען אַזאַ לאַגע, נור האָט אַפילו ניט געוואָלט וויסען דערפון, האָט ניט געוואָלט וויסען נעמליך דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען צו שרעקליך, צו אונגאַטירליך.

זינט ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון אויסלאַנד איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געווען צוויי מאָהל ביי זיין פרוי אויף דער דאַטשע. איין מאָהל האָט ער דאָרט מיטאַג געגעסען, דאָס צווייטע מאָל האָט ער דאָרט פערבראַכט אַן אבענד מיט געסט, אָבער האָט דאָרט קיין איין מאָל ניט גענעכטיגט. וויא ער איז דאָס געוועהנט געווען צו טאָהן אין פריהערינע יאָהרען.

אין דעם טאָג פון דיא רייסעס איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געווען זעהר פערנומען; אָבער נאָך אין דער פריה, ווען ער האָט אָנגעצייכענט דיא פּראָגראַם פון טהעטיגקייט פאַר דעם טאָג, האָט ער בעשלאָסען אַז באַלד נאָך

מיטאג וועט ער פאָהרען צו זיין פרוי אויף דער דאטשע און פון דאָרט צו דיא רייסעס, וואו עס איז געווען דיא גאַנצע קייזערליכע סוויטע און ער האָט פאָלגליך געמוזט זיין. צו דער פרוי וועט ער פערפאָהרען דערפאַר, ווייל ער האָט ביי זיך אָבגעמאַכט, אַז ער מוז זיא איין מאָהל אין וואָך בעזוכען פון העפליכקייט וועגען. אויסער דעם האָט ער דעם טאָג געדאַרפט געבען זיין פרוי, וויא אימער דעם פינפצעהנטען, געלד אויף הוצאות. אַזאַ אָרדנונג איז ביי איהם געווען איינגעפיהרט.

ער האָט אימער בעהערשט זיינע געדאַנקען, און אַזוי איצט אויך, נאָך דעם וויא ער האָט אַלעס בעטראַכט וועגען זיין פרוי, האָט ער אָבער זיינע געדאַנקען ניט ערלויבט צו פאַרגעהן צו ווייט און ניט פערשפרייטען זיך ווייטער אין דיא געדאַנקען וועגען איהר. דער אין־דער־פריה פון דעם דאָזיגען טאָג איז געווען ביי איהם זעהר אַ פערנומענער. גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונא האָט איהם צוגעשיקט אַ בראָשיורע פון דעם בעריהמטען רייזענדען איבער קיטאַי, וועלכער איז געווען אין פעטערבורג, מיט אַ בריעף, בעטענדיג איהם אַז ער זאָל אויפנעהמען דעם דאָזיגען רייזענדען, וועלכער איז זעהר אַן אינטערעסאַנטע פערזאָן און אַ ניצליכער מענש.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ניט בעוויזען איבערצולעזען דיא גאַנצע בראָשיורע אַבענדס און האָט אין־דער־פריה זיא דערלעזען. דערנאָך זיינען געקומען פערשיעדענע בעטערס מיט בקשות, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען רעפּאָרטען, אויפנאַהמען, בעשטימונגען, אַנשטעלונגען און אַבזאַגונגען, דיא פערטהיילונג פון אויסצייכענונגען, פענסיאָן, געהאַלט, צענזוס, — דיא געוועהנליכע אַרבייטען, וועגען וועלכע אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש פלעגט זאָגען, אַז דאָס נעהמט פון איהם אַוועק דיא מעהרסטע צייט. דערנאָך האָבען זיך אָנגעהויבען אייגיגע פערזענליכע אַנגעלעגענהייטען — אַ בעזוך פון דאָקטאָר און פון דעם געשעפטס־פיהרער.

זיין געשעפטס־פיהרער האָט ביי איהם קיין פיעל צייט ניט צוגענומען. ער האָט נור איבערגעגעבען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען דיא נויטיגע געלדער און האָט איהם אויך דערווייל געמעלדעט, אַז דיא פינאַנציעלע זייט איז ניט גאָר גלענצענד, אַזוי וויא אין דעם יאָהר זיינען איבער צו אָפטע אַרומפאָהרענעס דיא הוצאות געווען ניט דער ערך גרעסער אַלס געוועהנליך. אָבער דערפאַר האָט דער דאָקטאָר, אַ בעריהמטער פעטערבורגער אַרצט, וועלכער איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, היינט פערנומען זעהר פיעל צייט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט איהם גאָר היינט ניט ערוואַרט און איז פערוואונדערט געוואָרען פון זיין וויזיט, און נאָך מעהר דערפון וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם אַזוי פיעל אויסגעפרעגט וועגען זיין צושטאַנד, האָט אויסגעהערט זיין ברוסט, האָט אָנגעקלאַפּט און אַרומגעטאַפּט דעם לעבער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ניט געוואוסט, אַז זיין פריינד, לידיאַ איוואַנאָוונאַ, באַמערקענדיג אַז זיין געזונד איז היי־יאָהר עפּעס ניט אין אָרדנונג, האָט אַ בעט געטאָהן דעם דאָקטאָר ער זאָל אַריבערפאָהרען און איהם אונטערזוכען. „טהוט דאָס פון מיינט וועגען“, האָט איהם געזאָגט גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ.

— איך וועל דאָס טאָהן פון רוססלאַנד וועגען, גרעפין, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר.

— אַן אונשעצבארער מענש! — האָט געזאָגט גרעפין לידיא איוואַנאָוונא.

דער דאָקטאָר איז געבליבען זעהר אונצופריעדען פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען. ער האָט געפונען, אַז דער לעבער איז זעהר פערגרעסערט געוואָרען, דיא נאַהרהאַפטיגקייט פערקלענערט און דיא באַדע־אַנשטאַלט האָט קיין נוצען ניט געבראַכט. ער האָט פעראָרדענט וואָס מעהר פיזישע טהעטיגקייט און וואָס וועניגער גייסטיגע אנשטרייננגונג און הויפּטזעכליך קיין פערדרוס, דאָס הייסט אַקוראַט דאָס וואָס פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געוועזן לחלוטין אונמעגליך, וויא עס וואָלט געוועזן פאַר איהם אונמעגליך ניט צו אַטהעמען, און ער איז אַוועקגעפאָהרען איבערלאָזענדיג אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דאָס אונאַנגענעהמע בעוואוסטזיין, אַז אין איהם איז עפּעס ניט גוט און אַז העלפען דערצו קאָן ער ניט.

אַרויסקומענדיג פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דער דאָקטאָר בעגעגענט סליודינען, קאַרענינס געשעפט־פיהרער, וועלכען ער האָט זעהר גוט געקענט. זיי זיינען געוועזן חברים נאָך אין אוניווערזיטעט און האָבען איינער דעם צווייטען רעספּעקטירט, אָבוואָהל זיי פלעגען זיך זעהר זעלטען בעגעגענען. און דאַרום האָט דער דאָקטאָר בלויז איהם, און קיין אַנדערן ניט, אויסגעזאָגט וועגען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס צושטאַנד.

— עס פרעהט מיך וואָס איהר זייט ביי איהם געוועזן — האָט געזאָגט סליודין — עס איז מיט איהם עפּעס ניט גוט, און מיר דוכט זיך... נו, וואָס זאָגט איהר?

— איך זאָג אַט וואָס — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, אָנצייגענדיג איבער סליודינס קאָפּ צו זיין קוטשער, ער זאָל צופאָהרען מיט דער קאַרעטע — איך זאָג אַט וואָס, ציהט ניט אָן דיא סטרונעס און פּרובירט רייסען וועט דאָס זיין זעהר שווער; אָבער ווען איהר ציהט אָן דיא סטרונעס ביז דער אויסערסטער מעגליכקייט, איז וויא איהר וועט אַרויפלייגען אַ שווערען פינגער אויף אַן אָנגעצויגענער סטרונע וועט זיא, זעלבסטפערשטענדליך פּלאַצען. מיט זיין געוויסענהאַפטיגקייט צו דער אַרבייט, מיט זיין אנשטרייננגונג האָט ער אָנגעצויגען דיא סטרונעס ביז דער אויסערסטער מעגליכקייט. היינט ווען עס קומט אַ דרוק פון דער זייט און אַ שווערער דרוק — האָט געענדיגט דער דאָקטאָר פיעלדייטיג אָנשטעלענדיג דיא ברעמען — וועט איהר בעזוכען דיא רייסעס? — האָט ער אַ פרעג געטאָהן געהענדיג שוין צום קאַרעטע — יא, יא, עס נעהמט נאַטירליך צייט — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר אויף עפּעס, וואָס סליודין האָט איהם געזאָגט און וואָס ער האָט גאָר פאַרהערט.

באַלד נאָך דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט פון איהם אָבגענומען אזוי פיעל צייט, איז ערשיענען דער רייזענדער, און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך בענוצט מיט דער בראָשיורע וועלכע ער האָט ערשט ניט לאַנג איבערגעלעזען, האָט איבערראַשט דעם רייזענדען מיט זיין טיעפען פערשטעהן פון דעם געגענשטאַנד און מיט זיינע ברייטע אויפגעקלעהרטע אנשויאונגען.

צוזאמען מיט דעם רייזענדען איז געמעלדעט געוואָרען אויף דיא אנקונפט פון א גובערנסקען אדעלס־מארשאליק, וועלכער איז ערשיענען אין פעטערסבורג און מיט וועלכען עס איז נויטיג געווען צו האָבען אן אונטער־רעדונג. נאָך זיין אָב־פאָהר איז נויטיג געווען צו ענדיגען דיא אלטעגליכע ארבייט מיט דעם זאך־פער־וואלטער און דערנאָך איז איהם נויטווענדיג געווען אריבערצופאָהרען צו א בע־דייטענדער פערזאָן וועגען זעהר א וויכטיגער אנגעלעגענהייט. אלעקסיי אלעק־סאנדראָוויטש האָט בעוויזען צוריק צו קומען ערשט א זייגער פינף, דיא צייט פון זיין מיטאָג עסען און נאָך דעם וויא ער האָט אָבגעגעסען מיטאָג צוזאמען מיט דעם זאך־פערוואלטער, האָט ער איהם איינגעלאדען צו פאהרען מיט איהם צוזאמען אויף דער דאטשע און דערנאָך צו דיא רייסעס.

ניט אבגעבענדיג זיך אליין קיין רעכענונג דעריין, האָט אלעקסיי אלעק־סאנדראָוויטש איצט געזוכט א געלעגענהייט צו האָבען אימער א דריטע פערזאָן ווען ער זעהט זיך מיט זיין פרוי.

.27

אננא איז געשטאנען אין אויבערשטען צימער בעפאָר דעם שפיגעל, צו־שפילענדיג מיט דער הילף פון אנושקא דעם לעצטען באנט צו איהר קלייד, ווען זיא האָט דערהערט ביי'ם צופאָהר דעם קלאנג פון דיא רעדער, וועלכע האָבען געדריקט דיא צוהאקטע שטיינדלעך.

„פאר בעטסי איז נאָך איצט צו פריה — האָט זיא א טראכט געטאָהן, און א קוק טאָהענדיג אין פענסטער האָט זיא דערזעהען דיא קארעטע און דיא שוואר־צע הוט מיט דיא אויערן פון אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, וועלכע זיינען איהר געווען אזוי בעקאנט און וועלכע האָבען זיך איצט ארויסגערוקט פון טיהרעל פון קארעטע. — גאר ניט אין דער פאסענדער צייט; ניט שוין זשע מיינט ער דאָ צו נעכטיגען?" האָט זיא געטראכט און איהר האָט אויסגעוויזען אזוי שרעקליך און שוידערליך, וואָס דערפון קאָן ארויסקומען, אז זיא איז קיין איין מינוט ניט טראכטענדיג, ארויסגעגאנגען זיי אנטגעגען מיט א פרעהליכען און שיינענדען פנים. זיא האָט געפיהלט אין זיך דעם מוטה פון ליגען און פאלשקייט, וועלכער איז איהר שוין געווען גוט בעקאנט, און זיא האָט גלייך זיך איבערגעגעבען דעם דאָ־זיגען מוטה און האָט אָנגעהויבען ריידען, אליין ניט וויסענדיג וואָס זיא וועט זאָגען.

— א, וויא ליעב דאָס איז! — האָט זיא געזאָגט דערלאנגענדיג דעם מאן דיא האנד און מיט א שמייכעל בעגריסענדיג דעם היימישען מענשען, סליודינען. — איך האָף, אז דוא בלייבסט דאָ נעכטיגען? איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, וואָס דער מוטה פון פאלשקייט האָט איהר אונטערגעזאָגט — און דערוויייל לאָמיר פאָה־

רען צוזאַמען. אָבער שאַדע, איך האָב פערשפּראָכען בעטסין. זיא וועט פערפּאַהרען נאָך מיר.

אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש האָט א קנייטש געטאָהן דעם פּנים ביי דעם נאָמען פון בעטסי.

— א, איך וועל ניט צושיידען דיא אונצושיידבארע — האָט ער געזאָגט מיט זיין געוועהנליכען שפּאַסיגען טאָן — איך וועל פאָהרען מיט מיכאאיל וואסי־לעוויטשען. און דיא דאָקטוירים ראטהען מיר מעהר צו געהן. איך וועל זיך אויפ׳ן וועג דורכגעהען און וועל זיך פארשטעלען, אז איך בין אין דיא בעדער.

— איילען זיך איז ניטאָ וואָס — האָט געזאָגט אננא — ווילט איהר טהעע?

זיא האָט צוגעקלונגען.

— דערלאנגט, זייט אזוי גוט, טהעע, און זאָגט סעריאזשאן, אז אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש איז געקומען צו פאָהרען. נו, וויא האַלט דאָס מיט דיין גע־זונד? מיכאאיל וואסיליעוויטש, איהר האָט נאָך מיך ניט בעזוכט; גיט א קוק וויא גוט עס איז ביי מיר אויפ׳ן באלקאָן — האָט זיא געזאָגט ווענדענדיג זיך דאָס צו איינעם, דאָס צו דעם אנדערען.

זיא האָט גערעדט זעהר איינפאך און נאַטירליך, אָבער צופיעל און צו שנעל. זיא האָט דאָס אליין געפיהלט, בפרט אז אין דעם נייגעריגען בליק, מיט וועלכען מיכאאיל וואסיליעוויטש האָט אויף איהר א קוק געטאָהן, האָט זיא בא־מערקט אז עפּעס אזוי וויא ער וואָלט זיא נאָכשפּירען.

מיכאאיל וואסיליעוויטש איז באלד ארויס אויף דער טערראסע. זיא האָט זיך געזעצט לעבען מאַן.

— דוא זעהסט ניט זעהר גוט אויס — האָט זיא געזאָגט.

— יא — האָט ער געענטפערט — היינט איז דער דאָקטאָר ביי מיר געוועזען און האָט אָבגענומען א שטונדע צייט. איך פיהל, אז עמיצער פון דיא פריינד האָט איהם געשיקט: אזוי שעצבאר איז מיין געזונד...

— ניין, וואָס זשע האָט ער געזאָגט?

זיא האָט זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט וועגען זיין געזונד און וועגען זיין בעשעפטיגונג, האָט איהם צוגערעדט ער זאָל זיך אויסרוהען און זאָל זיך אריבער־קלייבען אין גאַנצען צו איהר.

זיא האָט דאָס אלעס גערעדט פרעהליך, שנעל און מיט א בעזונדער גלאַנץ אין דיא אויגען; אָבער אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש האָט איצט ניט צוגעגעבען קיין בעזונדער בעדייטונג צו איהר טאָן. ער האָט בלויז צוגעהערט זיך צו איהרע ווערטער און האָט זיי אָנגענומען אין זייער איינפאכען גראַנק, וועלכען זיי האָבען געהאַט. און ער האָט איהר געענטפערט איינפאך, אָבוואָהל שפּאַסהאַפט. אין דעם גאַנצען געשפּרעך איז ניט געוועזען קיין בעזאָנדערעס, אָבער אננא האָט דערנאָך קיין מאָהל אָהן שמערץ פון שאנדע ניט געקענט טראַכטען וועגען דער דאָזיגער קורצער סצענע.

סעריאזשא איז אריינגעקומען, געפיהרט פון דער גאָוורערנאַנטין. ווען אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש וואָלט זיך ערלויבט צו בעאָבאַכטען, וואָלט ער איצט

באמערקען דעם צוריקגעהאלטענעם, צוטומעלטען בליק, מיט וועלכען סעריאזשא האט א קוק געטאהן אויף דעם פאטער, דערנאך אויף דער מוטער. אבער ער האט קיין זאך ניט געוואלט זעהען און האט ניט געזעהען.

— א, יונגער מענש ! וויא אויכגעוואקסען ער איז. ווירקליך, ער ווערט דאך גאר אן ערוואקסענער מאנספערזאן. גוט מארגען, יונגער מענש.

און ער האט דערלאנגט דיא הענד דעם צושראקענעם סעריזשאן. סעריא־זשא, וועלכער איז פריהער אויך געוועזען שעהמעדיג פאר'ן פאטער, האט איצט גאר געשראקען זיך פאר'ן פאטער, זינט ער האט איהם אנגעהויבען צו רופען יונגער מענש. ער האט זיך אומגעקוקט צו דער מוטער וויא ער וואלט פון איהר געבעטען שוץ. מיט דער מוטער אליין איז איהם געוועזען גוט. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך דערווייל צורעדט מיט דער גאווערנאנטין, האלטענדיג דעם זוהן פא־'ן אקסעל, און סעריאזשא האט געפיהלט אזוי געמאטערט, אזוי אונבעקוועם, אז אננא האט דערזעהען אז ער קלייבט זיך שוין צו וויינען.

אננא, וועלכע איז רויט געווארען אין דער מינוט, ווע' דער זוהן איז אריין, באמערקענדיג איצט, אז סעריאזשא פיהלט זיך אונבעקוועם, איז האסטיג אויפ־געשפרונגען, האט אראבגענומען פון דעם אינגעלס אקסעל אלעקסיי אלעקסאנד־ראוויטשעס האנד, און א קוש טאהנדיג דעם זוהן, האט זיא איהם ארויסגעפיהרט אויף דער טעראסע און איז אליין אריין צוריק.

— עס איז שוין אייגענטליך צייט — האט זיא געזאגט קוקענדיג אויף איהר זייגער — וואס קאן דאס זיין וואס בעטסי קומט נאך ניט ?....

— יא — האט געזאגט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, און אויפשטעהענ־דיג האט ער צונויפגעלעגטביידע הענד און האט א קנאק געטאהן דיא פינגער — איך בין פארפאהרען אויף אום צו ברענגען דיר געלד, אזוי וויא א כאלאוויי קאר־מעט מען מיט מעשה'לעך ניט — האט ער געזאגט. איך דיינק, אז דו דארפסט.

— ניין, ניט נויטיג... יא, נויטיג — האט זיא געזאגט ניט קוקענדיג אויף איהם און רויט ווערענדיג ביז דיא וואָרצלען פון דיא האאר — דוא ווערסט דאך אריינפאהרען אהער צוריק נאך דיא רייסעס.

— א, יא ! — האט געענטפערט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש — אט איז דיא שעהנקייט פון פעטערהאף, פירסטין טווערסקאיא — האט ער צוגעלעגט קוקענדיג אין פענסטער וויא עס איז צוגעפאהרען אן ענגלישער עקיפאזש — וואס פאר א גלאנץ ! פרעכטיג ! נו, דארפען מיר אויך, הייסט עס, פאהרען.

פירסטין טווערסקאיא איז ניט ארויס פון איהר עקיפאזש, און בלויז איהר לאקיי, אין שטיבלעטען, מיט א שווארצען הוט און מיט א פעלערינקע איז אראב־געשפרונגען ביים צופאהר.

— איך געה, אדיע ! — האט געזאגט אננא און האט געקושט דעם זוהן, איז צוגעגאנגען צו אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש און האט איהם דערלאנגט דיא האנד — עס איז זעהר ליעבליך פון דיר, וואס דו ביסט געקומען צופאהרען.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט א קוש געטאהן איהר האנד.

— נו, אלזא ביז ווידערזעהן ! דוא ווערסט דאך קומען טהעע טרינקען, דאס איז גוט ! — האט זיא געזאגט, און איז ארויס א פרעהליכע, א שיינענדע.

אבער וויא נור זיא האט איהם שוין מעהר ניט געזעהען, האט זיא דערפיהלט דעם פלאטץ אויף איהר האנד, צו וועלכען עס האבען זיך צוגעריהרט זיינע ליפען, און זיא האט מיט א געפיהל פון עקעל א ציטער געטאהן.

## 28.

ווען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש איז ערשיענען צו דיא רייסעס איז אננא שוין געזעסען אין בעסעדקע צוזאמען מיט בעטסי, אין יענער בעסעדקע, וואו עס איז געווען פערזאמעלט דיא גאנצע אויבערשטע געזעלשאפט. זיא האט נאך פון וויטען דערזעהען איהר מאן. צוויי מענשען, דער מאן און דער ליעבהאבער, זיינען געווען פאר איהר דיא צוויי מיטעל־פונקטען פון איהר לעבען, און אהן דער הילף פון דיא אויסערליכע חושים האט זיא געפיהלט זייער נאהענטקייט. זיא האט נאך פון וויטען דערפיהלט דיא נאהענטקייט פון איהר מאן און זיא האט ניט וויר־לענדיג איהם נאכגעשפירט אין דיא כוואליעס פון דער מאסע, צווישען וועלכע ער האט זיך בעוועגט. זיא האט געזעהען וויא ער איז צוגעגאנגען צו דער בעסעד־קע, דאס גנעדיג ענטפערענדיג אויף דיא חניפה'דיגע בעגריסונגען, דאס פריינד־ליך און צוטראגען גריסענדיג דיא, וועלכע זיינען זיין גלייכען, און אמאל מיט מיה אויסווארטענדיג דעם בליק פון דיא וועלט מעכטיגע און ציהענדיג זיין גרויסע, רונדע הוט, וועלכע האט אנגעדריקט דיא ברעגען פון זיינע אויערן. זיא האט גע־וואוסט דיא אלע בענעהמונגען און זיי זיינען איהר אלע געווען עקעלהאפט.

„בלויז כבוד־זוכונג, בלויז דיא יאגד נאך ערפאלג — דאס איז אלעס מיט וואס עס איז אנגעפילט זיין נשמה — האט זיא געטראכט — און דיא הויכע בע־טראכטונגען, ליעבע צו אויפקלעהרונג, רעליגיאן, דאס אלעס איז בלויז א מיטעל אום ערפאלגרייך צו זיין.“

פון זיינע בליקען צו דער בעסעדקע, וואו די דאמען זיינען געזעסען (ער האט געקוקט גלייך אויף איהר, אבער ער האט זיא ניט דערקענט צווישען דיא שפי־צען, בענדער, זונען־שירעמס און בלומען) האט זיא פערשטאנען, אז ער האט זיא געזוכט, אבער זיא האט מיט א כיון איהם ניט בעמערקט.

— אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש! — האט צו איהם געשריען פירסטין בעטסי — איהר זעהט געווים ניט אייער פרוי; אט איז זיא!

ער האט א שמייכעל געטאהן מיט זיין קאלטען שמייכעל.

— דא איז אזוי פיעל גלאנץ, אז דיא אויגען זיינען זיך צולאפען — האט ער געזאגט און איז אריינגעגאנגען אין בעסעדקע — ער האט א שמייכעל געטאהן צו דער פרוי, מיט וועלכער ער האט זיך נור וואס געזעהען און האט בעגריסט דיא פירסטין און דיא איבריגע בעקאנטע, יעדערען לויט זיין ווערטה, ד. ה. א שפאס טאהנדיג מיט דיא דאמען און איבערגעווארפען זיך מיט עטליכע העפליכקייטען מיט דיא מאנסלייט. אונטען לעבען בעסעדקע איז געשטאנען דער גענעראל אדיו־

טאנט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, וועלכער איז געווען בעריהמט אלס א קלוגער און געבילדעטער. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש קאַרענין האָט מיט איהם פאר־פיהרט א געשפּרעך.

עס איז איצט געווען צווישען איין רייס און אנדערן און קיין זאך האָט זיי ניט געשטערט צו שפּרעכען. דער גענעראל אדיוטאנט האָט אויסגעשפּראָכען זיין מיינונג געגען דיא רייסעס. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט פּארקעהרט זיי פערטהיידיגט. אננא האָט געהערט זיין דינעם, גלייכמעסיגען קול, ניט דורכלאָזענ־דיג קיין איין וואָרט, און יעדעס וואָרט האָט איהר געקלונגען אלס פאלש און האָט שמערצליך געשניטען איהר געהער.

ווען עס האט זיך אָנגעהויבען דער פיער־וויאָרסטיגער רייס מיט דיא הינ־דערניסע, האָט זיא זיך אָנגעבויגט פאָרווערטס און ניט אַראָבלאָזענדיג די אויגען, האָט זיא געקוקט אויף ווראָנסקין, וויא ער איז צוגעגאנגען צום פערד, וויא ער האָט זיך געזעצט און אין דערזעלבער צייט האָט זיא געהערט דעם אבשטויכענדען, ניט אָנטשוויינען ווערענדיגען געשפּרעך פון מאַן. זיא איז געווען געמאַטערט פון שרעק פאר ווראָנסקי, אָבער נאָך מעהר איז זיא געווען געמאַטערט פון דעם קלאנג פון דער דינער שטימע מיט זיין בעקאנטען ארט ריידען.

„איך בין א פערדאָרבענע פרויענצימער און א פערלאָרענע פרויענצימער— האָט זיא געטראכט — אָבער איך ליעב ניט ליגען צו זאָגען, איך קאָן ניט פאר־טראָגען קיין פאלשקייט און ער, זיין נאהרונג איז פאלשקייט. ער ווייס דאָך אלעס, ער זעהט דאָך אלעס; וואס זשע פיהלט ער, ווען ער קאן אזוי רוהיג ריידען? ווען ער וואָלט מיך טויטען, ווען ער וואָלט טויטען ווראָנסקי'ן וואָלט איך איהם רעס־פּעקטירען. אָבער ניין, איהם זיינען בלויז נויטיג פאלשקייט און אנשטענדיגקייט— האָט זיך געזאגט אננא, ניט בעטראכטענדיג אייגענטליך וואס זיא האט פערלאנגט פון מאַן, א וועלכען וואָלט זיא איהם געוואָלט זעהען. זיא האָט ניט פער־שטאנען, אז גראד זיין איצטיגע לוסט פיעל צו ריידען, וואס האט זיא אזוי געער־גערט, איז געווען בלויז דער אויסדרוק פון זיין אינערליכער אונרוהיגקייט. וויא א קינד, וואס שלאָגט זיך אָב פון שפּרינגען, באַוועגט זיינע מוסקולען כדי צו פער־טויבען דעם ווייטאָג, אזוי איז פאר אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש נויטיג געווען א גייסטיגע בעוועגונג אום צו פערטויבען יענע געדאנקען וועגען זיין פרוי, וועל־כע האָבען געפאָדערט אויפמערקזאמקייט אין דער אנוועזענהייט פון איהר, פון ווראָנסקי און אין דער שטענדיגער ווידערהאָלונג פון זיין נאָמען. און פונקט וויא עס איז נאַטירליך פאר דעם קינד צו שפּרינגען אזוי איז באר איהם נאַטירליך גע־ווען קלוג צו ריידען. ער האט ערקלעהרט:

— דיא געפאהר אין מיליטערישע, קאַוואַלערישע רייסעס איז דיא נויט־ווענדיגע קאָנדיציאָן פון דיא רייסעס. אויב ענגלאנד קאָן אָנצייגען אין איהר מילי־טערישע געשיכטע אויף דיא גלענצענדסטע קאוואלערישע טהעטיגקייט, איז דאס בלויז דערפאר, ווייל זיא האָט היסטאָריש ענטוויקעלט אין זיך דיא אָזיגע קראפט אי פון טהירען אי פון מענשען. ספּאָרט, לויט מיין מיינונג, האט א גרויסע בע־דייטונג, און וויא אימער זעהען מיר בלויז דאס אָבערפלעכליכע.

— ניט דאס אָבערפלעכליכע — האָט געזאגט פירסטין טווערסקאיא — איין אָפיציער, זאָגט מען, האָט זיך שוין איבערגעבראָכען צוויי ריפען־ביינער.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט א שמייכעל געטאָהן אויף זיין שטייגער, בלויז עפענענדיג דיא צייהנער.

— לאָמיר רעכענען, פירסטין, אז דאס איז ניט קיין אבערפלעכליכער בליק — האָט ער געזאגט — נור אַן אינערליכער. אָבער ניט אום דעם האנדעלט זיך דאָך — און ער האָט זיך ווידער א ווענד געטאָהן צום גענעראל, מיט וועלכען ער האָט געפיהרט דעם געשפרעך — פארגעסט אז ווער בעטהייליגט זיך אין דיא רייסעס, דאָך מיליטער־מענשען, און איהר מוזט דאָך צוגעבען, אז יעדער פאך האָט דאָך אויך זיין פארקעהרטע זייט פון מעדאל, דאס קומט פשוט אריין אין דיא פליכטען פון דעם מיליטער־לעבען. דער אונגעלומפערטער קאמפף מיט פויסטען אָדער דער אָקסען־קאמפף אין שפאַניען איז בארבאריזם, אָבער ספעציאַליזירטער ספאָרט איז א צייכען פון ענטוויקלונג.

— ניין, א צווייטען מאָהל פאָר איך ניט אָנקוקען רייסעס: דאָס רעגט מיך אויף צו־פיעל — האָט געזאָגט פירסטין בעטסי — ניט וואהר אננא?

— עס רעגט אויף, אָבער אין דערזעלבער צייט קאָן מען זיך ניט אָבריי־סען — האָט געזאָגט אַן אַנדער דאַמע — ווען איך וואָלט געוועזען א רוימערין, וואָלט איך ניט דורכגעלאָזען קיין איין צירקוס.

אַננא האָט גאָרנישט גערעדט און, ניט אראָבלאָזענדיג דעם בינאָקל האָט זיא געקוקט בלויז אויף איין פלאַץ.

אין דער ווילע איז פערביי בעסעדקע דורכגעגאַנגען א הויכער גענעראַל. אָבהאקענדיג זיין רעדע האָט אַלעקסאַנדראָוויטש זיך שנעל א הויב געטאָהן און האָט זיך טיעף פערנייגט פאַר דעם פערבייגעהענדען מיליטער־מאַן.

— איהר רייט ניט אין דיא רייסעס? — האָט א וויצעל געטאָהן זיך דער מיליטער־מאַן.

— מיין רייטען איז שווערער — האָט העפליך איהם געענטפערט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

און אָבוואָהל דער ענטפער האָט גאָר נישט בעדייטעט, האָט דער מיליטער־מאַן געמאכט א פנים, אז ער האָט בעקומען א קלוגען וואָרט פון א קלוגען מענשען און האָט פערשטאַנען דעם מיין.

— עס זיינען פאַראַן צוויי זייטען פון מעדאַל — האָט ער פאָרטגעזעצט זיין איבערגעריסענעם געשפרעך — דיא זייט פון דיא טהוער און דיא זייט פון דיא צושויער; דיא ליעבע אָנצוקוקען אזעלכע פאָרשטעלונגען איז דער ריכטיגסטער צייכען פון נידריגער ענטוויקלונג פון דיא צושויער; דערמיט בין איך איינשטימיג, אָבער . . .

— פירסטין, א וועט! — האָט זיך דערהערט פון אונטען סטעפאַן אר־קאַדיעוויטשעס שטימע, ווענדענדיג זיך צו פירסטין בעטסי — פאַר וועמען וועט איהר זיך?

— מיר מיט אַננאַ׳ן וועטען זיך פאַר פירסט קוזאוולעוו — האָט געענט־פערט בעטסי.

# אננא קארענינא

— איך פאר ווראָנסקין. אויף א פּאָר האנדשוה.

— געהט עס !

— און וויא שעהן, ניט וואהר ?

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז אנשוויגען געוואָרען פאר דער צייט וואָס מען האָט ווערעדט לעבען איהם, ער האָט אָבער באלד ווידער אָנגעהויבען :

— איך שטים איין, אז אזעלכע פּאָרשטעלונגען זיינען ניט מאַנהאפט...

— האָט ער אָנגעהויבען ווייטער.

אָבער אין דער צייט האָט מען א לאָז געטהאָן דיא רייטער, און אלע געשפּרעכען האָבען אויפגעהערט. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז אויך אנשוויגען געוואָרען אין אלע האָבען זיך אויפגעהויבען און האָבען געקוקט צום טייך. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט דיא רייסעס און האָט דארום ניט געקוקט אייף דיא רייטער, נור האָט צוטראָגענערהייט בעקוקט דיא צושויער מיט זיינע מיעדע אויגען. זיין בליק האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אננא.

איהר געזיכט איז געוועזען בלייך און שטריינג. זיא האָט אפּנים קיינעם און קיין זאך ניט געזעהען אויסער איין זאך. איהר האנד' האָט קראַמפּפהאפט פערדריקט דעם פעכער און זיא האָט ניט געאָטהעמט. ער האָט אויף איהר א קוק געטהאָן און האָט זיך שנעל אָבגעקעהרט, בעקוקענדיג דיא אנדערע פּנים'ער

„אָט איז דיא דאָזיגע דאמע און אנדערע זיינען אויך אויפגערעגט; דאָס איז גאנץ נאטירליך“, האָט זיך געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש. ער האָט געוואָלט ניט קוקען אויף איהר, אָבער ניט װעלענדיג איז זיין בליק צוגעצויגען געוואָרען צו איהר. ער האָט זיך ווידער איינגעקוקט אין דעם פּנים, זוכענדיג ניט צו לעזען דאָס, וואָס איז אויף איהם אזוי קלאָהר געווען אָנגעשריבען, און געגען זיין ווילען האָט ער מיט שרעק געלעזען אויף איהם דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט וויסען.

קוזאָוולעוו'ס אראָבפאלען פון פערד לעבען טייך האָט אלעמען אויפגערודערט, אָבער אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט קלאָהר געזעהען אויף דעם בלייכען, געהויבענעם פּנים פון זיין אננא, אז יענער, אויף וועלכען זיא האָט געקוקט, איז ניט אראָבגעפאלען. ווען מאַכאָטין און ווראָנסקי זיינען אריבערגעשפּרונגען דיא גרויסע פּארענצע און נאָך זיי גלייך איז אן אָפיציער אראָבגעפאלען פון פערד און איז געבליבען ליגען א דער'הרג'עטער אויף טויט און א רויש פון שרעק איז איבערגעלאָפען איבער'ן גאנצען פּובליקום — האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש געזעהען, אז אננא האָט דאָס אפילו ניט באמערקט און האָט קוים געקאָנט פארשטעהען, ווענגען וואָס האָט מען דאָס צורעדט זיך ארום. אָבער ער האָט אלץ אָפטער און אָפטער, מיט א מין עקשנות איינגעקוקט זיך אין איהר. אננא איז געוועזען אין גאנצען פערשלונגען אין ווראָנסקים רייטען, אָבער זיא האָט דערפיהלט פון דער זייט דיא קאלטע אויגען פון איהר מאן, וועלכע זיינען געווען אויף איהר אויסגעשטעלט.

זיא האָט זיך אויף אן אויגענבליק אומגעקוקט, האָט פראגליך א קוק געטהאָן אויף איהם, און לייכט אָנגעוואָלקענט, האָט זיא זיך ווידער אָבגעקעהרט.

„אך, מיר איז גאנץ גלייך“ האָט זיא אזוי וויא געזאָגט זיך און האָט

שוין מעהר אויף איהם קיין קוק ניט געטהאָן. דיא רייסעס זיינען געווען אונגליק־ליכע און פון ז׳בעצעהן פערזאָן זיינען מעהר וויא העלפט אראָבגעפאלען און זיינען געגיהרגט געוואָרען. צים סוף פון דיא רייסעס זיינען אלע געווען אויפגערעגט און דיא אויפרעגינג איז נאָך געווען גרעסער, ווייל דער קיסר אליין איז געבליבען אונצופריעדען.

## .29

אלע האָבען הויך אויסגעדריקט זייער אונצופרידענהייט, אלע האָבען ווידערהאָלט א פראזע, וועלכע אימיצער האָט אויסגעשפּראָכען: „עס פעהלט נאָך בעהר ניט וויא א צירקוס מיט לייבען" און אלע האָבען געפיהלט דעם שרעק, אזוי אז ווען ווראָנסקי איז אנידערגעפאלען און אננא האָט אין דער הויך אָן אָכץ געטהאָן, האָט מען דעריין ניט געקאָנט זעהען עפּעס אונגעוועהנליכעס. אָבער באלד נאָך דעם איז אין אננא׳ס פּנים פּאָרגעקומען אן ענדערונג, וועלכע איז שוין בחלוטין געווען ניט פּאַסיג. זיא האָט זיך אין גאנצען פערלאָרען. זיא האָט זיך אנגעהויבען צאַפּלען וויא א געפאנגענער פויגעל: דאָס האָט זיא געוואָלט אויפ־שטעהן און געהן ערגעץ, און דאָס האָט זיא זיך א ווענד געטהאָן פלוצלינג צו בעטסי.

— לאָמיר פאָהרען, לאָמיר פאָהרען — האָט זיא געזאָגט.

אָבער בעטסי האָט איהרע ווערטער ניט געהערט. אָנבויגענדיג זיך ארונ־טער האָט זיא גערעדט מיט דעם גענעראל, וועלכער איז צו איהר צוגעגאנגען.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז צוגעגאנגען צו אננא׳ן און האָט איהר העפליך אונטערגעשטעלט זיין ארעם.

— לאָמיר געהן, אויב איהר ווינשט — האָט ער געזאָגט אויף פראנצויז. אָבער אננא האָט זיך גאָר צוגעהערט צו דאָס, וואָס דער גענעראל האָט דערצעהלט און האָט דעם מאַן ניט בעמערקט.

— האָט אויך איבערגעבראָכען א פוס, זאָגט מען — האָט דערצעהלט דער גענעראל — דאָס זעהט שוין גאָר אויס ווער ווייסט וואָס.

אננא האָט ניט געענטפערט דעם מאַן, האָט אויפגעהויבען דעם בינאָקל און האָט געקוקט אויף יענעם פלאַץ, וואו ווראָנסקי איז אנידערגעפאלען; אָבער דאָס איז געווען אזוי ווייט און דאָרט האָט זיך געשטויסען אזא מאסע, אז מען האָט קיין זאך ניט געקאָנט דערקענען. זיא האָט ארונטערגעלאָזען דעם בינאָקל און האָט געוואָלט געהן; אָבער אין דער צייט האָט צוגעלאפירט אן אָפיציער און דאָט עפּעס געמעלדעט דעם קיסר. אננא האָט זיך ארויסגערוקט פאָרווערטס און האָט זיך צוגעהערט.

— סטיווא! סטיווא! — האָט זיא א געשריי געטהאָן צום ברודער.

אָבער דער ברודער האָט ניט געהערט און זיא האָט ווידער געוואָלט ארויסגעהן.

— איך ליג אייך פאָר נאָך אַמאָל מיין אַרעם, אויב איהר ווילט געהן — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַ ריהר טהאָנ'דיג איהר האַנד.

זיא האָט מיט אַבעקל נג אָבגעקעהרט זיך פון איהם און, ניט אַ קוק טהאָנ'דיג אין זיין פּניב, האָט זיא געענטפערט.

— ניין, ניין, לאָזט מיך, איך וועל דאָ נאָך בלייבען.

זיא האָט געזעהען איצט וויא פון דעם אָרט, וואו וראָנסקי איז אַנידער־געפאַלען איז געלאָפען אַן אָפיציער איבער דעם קרייז און לויפט גלייך צו דער בעסעדקע. בעטסי האָט צו איהם געפאָכעט מיט'ן טאַשען־טיכעל. דער אָפיציער האָט געבראַכט דיא נאַכריכט, אַז דער רייטער איז ניט געשעדיגט געוואָרען, נור דער פערד האָט זיך צובראָכען דעם קרייץ.

דערהערענדיג דאָס האָט זיך אַננאַ שנעל אַנידערגעזעצט און האָט פאַר־דעקט איהר פּנים מיט דעם פעכער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געזעהען אַז זיא האָט געוויינט און האָט ניט געקאָנט צוריקהאַלטען ניט נור דיא טרעהרען, נייר אַפילו דיא שלוכצען, וועלכע האָבען געהויבען איהר ברוסט. אַלעק־סאַנדראָוויטש האָט זיא פאַרשטעלט מיט זיך, געבענדיג איהר צייט צו קומען צו זיך.

— צום דריטען מאָהל ליג איך אייך פאָר מיין אַרעם — האָט ער גע־זאָגט אין איניגע צייט אַרום צו איהר. אַננאַ האָט געקוקט אויף איהם און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען. פּירכטין בעטסי איז איהר געקומען צו הילף.

— ניין, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. איך האָב געבראַכט צו פיהרען אַננאַ אהער און איך וועל זיא אָבפיהרען צוריק — האָט זיך אַריינגעמישט בעטסי.

— ענטשולדיגט מיר, פּירסטין — האָט ער געזאָגט העפליך שמייכלענ־דיג, אָבער פעסט קוקענדיג איהר אין דיא אויגען — אָבער איך זעה, אַז אַננאַ איז עפּעס ניט אין גאַנצען געזונד און איך ווינש, זיא זאָל פאָהרען מיט מיר.

אַננאַ האָט זיך אומגעקוקט צושראָקען, האָט זיך אונטערטהעניג אויפגע־הויבען און האָט אַריינגעלייגט איהר האַנד אין דעם מאַנ'ס אַרעם.

— איך וועל אַריבערשיקען צו איהם, וועל זיך ערקונדיגען און וועל שיקען אייך זאָגען — האָט איהר אַ מורמעל געטהאָן פּירסטין בעטסי.

אַרויסגעהענדיג פון דער בעסעדקע, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אויך אַזוי וויא אימער, גערעדט מיט דיא וועלכע האָבען זיך איהם בעגעגענט אויפן וועג, און אַננאַ האָט אויך גענאַרפט, וויא אימער, ענטפערען און ריידען; אָבער זיא איז געווען אַליין ניט ביי זיך און איז געגאַנגען געאַרעמט מיט'ן מאַן וויא אין שלאָף.

„איז ער יע'הרג'עט געוואָרען אָדער ניט? זאָל דאָס אמת זיין? וועט ער קומען אָדער ניט? וועל איך איהם נאָך היינט דערזעהען אָדער ניט?“ האָט זיא געמראַכט.

זיא האָט זיך שווייגענדיג געזעצט אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס קאַרעטע און איז שווייגענדיג אַרויסגעפאָהרען צווישען דער מאַסע עקיפּאַזשען. ניט קוקענדיג אויף אַלעס וואָס ער האָט געזעהען, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ־וויטש פון דעסטוועגען ניט ערלויבט זיך צו טראַכטען וועגען זיין פרוי'ס לאַגע.

# אננא קארעני נא

ער האָט בלויז געזעהען אויסערליכע צייכענס. ער האָט געזעהען אַז זיא האָט זיך אויפגעפיהרט גאַנץ אונפּאַסיג און האָט גערעכענט פאַר זיין פפליכט צו זאָגען דאָס איהר.

אָבער איהם איז געווען שווער צו זאָגען איהר בלויז דאָס און ניט זאָגען איהר עפּעס מעהר. ער האָט געעפענט זיין מויל צו זאָגען איהר, וויא אונפּאַסיג זיא האָט זיך אויפגעפיהרט, אָבער ניט ווילענדיג האָט ער איהר געזאָגט עפּעס אַנדערעס.

— וויא מיר אַלע זיינען דאָס אייגענטליך געניייגט צו דיא דאָזיגע אכזרישע פאַרשטעלונגען — האָט ער געזאָגט — איך מערק...

— וואָס ? איך פערשטעה ניט — האָט מיט פעראַכטונג געזאָגט אננא.

ער האָט זיך געפונען בעליידיגט און האָט גלייך אָנגעהויבען ריידען דאָס, וואָס ער האָט געוועלט.

— איך מוז אייך זאָגען... — האָט ער אָנגעהויבען.

„אָט איז עס, אַן ערקלעהרונג“ האָט זיא א טראַכט געטאָהן און איהר איז געוואָרען מורא׳דיג.

— איך מוז אייך זאָגען, אַז איהר האָט זיך היינט אונפּאַסיג אויפגעפיהרט — האָט ער איהר געזאָגט אויף פראַנצויז.

— מיט וואָס האָב איך זיך אונפּאַסיג אויפגעפיהרט ? — האָט זיא אין דער הויך א זאָג געטאָהן, שנעל א קעהר טאָהענדיג דעם קאָפּ צו איהם און קוקענדיג איהם גלייך אין דיא אויגען, אָבער שוין ניט מיט דעם פריהערדיגען מונטערן טאָן, וועלכער האָט עפּעס פערדעקט, נור מיט אַן ענטשלאָסענעם פּנים, אין וועלכען זיא האָט מיט שווערקייט בעהאַלטען דיא מורא וואָס זיא האָט געכ הלט.

— פאַרגעכט ניט — האָט ער איהר געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף דעם אָרענעם פענסטער געגען קוטשער.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט אויפגעצויגען דיא שויב.

— וואָס האָט איהר געפונען אונפּאַסיגעס ? — האָט זיא ווידערהאָלט.

— יענע פערצווייפלונג, וועלכע איהר האָט ניט געקאָנט בעהאַלטען, ווען איי ער פון דיא רייטער איז אַראָבגעפאַלען.

ער האָט ערוואַרט, אַז זיא וועט לייקענען; אָבער זיא האָט געשוויגען, קוקענדיג בעפאָר זיך.

— איך האָב אייך דאָך שוין געבעטען איין מאָהל צו האַלטען זיך אין געזעלשאַפט אזוי, אַז שלעכטע צינגער זאָלען ניט האָבען קיין זאך צו זאָגען געגען אייך. עס איז געווען א צייט, ווען איך האָב גערעדט וועגען אינערליכע בעציהונגען. איהר האָט זיך אונפּאַסיג פערהאַלטען, און איך וואָלט געוואונשען, אַז דאָס זאָל זיך ניט ווידערהאָלען.

זיא האָט ניט געהערט קיין העלפט פון זיינע ווערטער. זיא האָט געפיהלט מורא פאַר איהם און געטראַכט האָט זיא וועגען דעם, צו איז דאָס אמת, אַז ווראָנסקי איז ניט דער׳הרג׳עט געוואָרען. האָט מען דאָס וועגען איהם גערעדט, אַז ער איז אַליין גאַנץ, נור ביי׳ם פערד איז איבערגעבראָכען דער קרייץ ? זיא

# אננא קארענינא

האט בלויז פארשטעלטערהייט שפּאסדאפּט געשמייכעלט, ווען ער האט געענ־דיגט, און האט גארנישט געענטפערט, ווארום זיא האט ניט געזהערט וואס ער האט גערעדט. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט אנגעהויבען צו ריידען דרייסט, נור ווען ער האט קלאהר פערשטאנען דאס, וועגען וואס ער האט גערעדט — האט זיך איהר שרעק איבערגעטראגען צו איהם. ער האט דערזעהען דעם דאזי־גען שמייכעל, און א זאנדערבארע פערבלענדונג איז אויף איהם ארויף.

„זיא שמייכעלט וועגען מיין פערדעכטיגונג. יא, זיא וועט גלייך זאגען דאס וואס זיא האט מיר געזאגט אין יענעם אבענד; אז עס איז קיין גרונד ני־טא פאר מיינע פערדעכטיגונגען. יא, זיא וועט גלייך זאגען וויא דאן, אז דאס איז לעכערליך.“

איצט ווען איבער איהם איז געהאנגען דיא ענטדעקונג פון אלעס, האט ער קיין זאך אזוי ניט ערווארט וויא דאס, אז זיא זאל, אויך אזוי וויא פריהער, שפּאסהאפט איהם ענטפערען, אז זיינע פערדעכטיגונגען זיינען לעכערליך און האבען קיין גרונד ניט. אזוי שרעקליך איז געווען דאס, וואס ער האט געוואוסט, אז ער איז איצט געווען פארגעברייט אלעס צו גלויבען. אבער דער אויסדרוק פון איהר פנים, א צושראקענער און טרויעריגער, האט איצט ניט פערשפּראכען אפילו קיין אבנארונג.

— עס קאן זיין, אז איך מאך א טעות — האט ער געזאגט — אויב אזוי, בעט איך אום פערצייהונג.

— ניין, איהר האט קיין טעות ניט געמאכט — האט זיא געזאגט לאנג־זאם, א קוק טאהענדיג פערצוויפעלט אויף זיין קאלטען פנים. — איהר האט קיין טעות ניט. איך בין געווען און קאן ניט ניט זיין אין פערצווייפלונג. איך הער אייך און טראכט וועגען איהם. איך ליעב איהם, איך בין זיין ליעבהאבערין; איך קאן אייך ניט פערטראגען, איך האב מורא פאר אייך, איך האס אייך... טהוט מיט מיר וואס איהר ווילט.

און אבווארפענדיג זיך אין ווינקעל פון קארעטע, האט זיא זיך צושלוכ־צעט, פערדעקענדיג איהר געזיכט מיט דיא הענד. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך קיין ריהר ניט געטאהן און האט ניט געענדערט דיא גלייכע ריכטונג פון זיין בליק. נור זיין גאנצער פנים האט איצט אנגענומען דיא געהויבענע אונבעוועגליכקייט פון א טויטען און דער דאזיגער אויסדרוק האט זיך ניט געבי־טען אין דער גאנצער צייט פון זיין פאהרען ביז'ן דאטשע. צופאהרענדיג צום הויז האט ער א קעהר געטאהן צו איהר דעם קאפּ אלץ מיט דעמזעלבען אויס־דרוק.

— אזוי! אבער איך פאדער נאכצוקומען דיא אויסערליכע בעדינגונגען פון אנשטענדיגקייט ביז וואנען — זיין שטימע האט א ציטער געטאהן — ביז וואנען איך וועל ניט פארנעהמען קיין מיטלען, וועלכע זאלען זיכערן מיין עהרע, און איך וועל אייך לאזען וויסען וועגען דעם.

ער איז דער ערשטער ארויס און האט איהר געהאלפען ארויסגעהן. אזוי וויא די דינערשאפט איז געווען דערביי האט ער איהר א דריק געטאהן דיא

האנד, האט זיך ארייננגעזעצט אין קארעטע און איז אוועקגעפאהרען קיין פעטערס־בורג.

באלד נאך זיין אוועקפאהר איז ארייננגעקומען דער לאקיי פון פירסטין בעטסי און האט געבראכט אננא'ן א צעטעלע:

„איך האב געשיקט צו אלעקסייען ערקונדיגען זיך וועגען זיין געזונד און ער שרייבט מיר, אז ער איז גאנץ און געזונד, אבער פערצווייפעלט.“

„וועט ע ר זיין — האט זיא א טראכט געטאהן — וויא גוט איך האב געטאהן, וואס איך האב איהם אלעס געזאגט.“

זיא האט א קוק געטאהן אויפ'ן זייגער. נאך דריי שטונדען זיינען געבליבען און ווען זיא האט זיך עראינערט דיא איינצעלהייטען פון זייער לעצטען זעהען זיך האט דאס געצונדען איהר בלוט.

„מיין גאט וויא ליכטיג! דאס איז שרעקליך, נור איך האב ליעב צו זעהען זיין פנים און האב ליעב דאס דאזיגע פאנטאסטישע ליכטיגקייט... דער מאן! אך, יא... נו, און דאנקען גאט, וואס מיט איהם איז אלעס געענדיגט.“

.30

וויא אומעטום וואו עס זאמלען זיך מענשען אזוי איז אויך געווען אין דעם קליינעם דייטשען קור־ארט, וואוהין עס זיינען געקומען צופאהרען דיא שטשערבאצקים — עס איז געשעהען דיא קריסטאליזירונג פון דער געזעלשאפט, וועלכע האט בעשטימט פאר יעדען פון זיינע מיטגליעדער א בעשטימטען און אונ־פערענדערטען פלאץ. וויא בעשטימט און אונפערענדערט עס איז דאס טהיילכעל וואסער, וועלכע בעקומט אין קעלט דיא בעשטימטע פארמע פון א שנעעאיגען קריסטאל, פונקט אזוי בעקומט יעדער נייע פערזאן, וועלכע איז אנגעקומען אין דיא בעדער דעם בעשטימטען פלאץ, וואס איז פאסיג פאר איהר.

פירסט שטשערבאצקי זאמט געמאהלין אונד טאכטער האבען זיך באלד קריסטאליזירט אין זייער בעשטימטען און ענט־שיידענעם פלאץ לויט זייער נאמען, לויט דער קווארטיר וואס זיי האבען גע־דונגען און לויט דיא בעקאנטע, וועלכע זיי האבען געפונען אין דעם קור־ארט.

אין דיא בעדער איז אין דעם דאזיגען יאהר געווען א ווירקליכע דייטשע פירסטין, און פאלגליך איז דיא קריסטאליזירונג פון דער געזעלשאפט פארגעקו־מען נאך ענערגישער. דער פירסטין האט זיך ניט אנדערש געוואלט פארשטעלען דער פרינצעסין איהר טאכטער און שוין אויף דעם צווייטען טאג האט זיא גע־פראוועט דיא דאזיגע צערעמאניע. קיטי האט זעהר פערנייגט און גראציעז זיך גע־זעצט אין איהר זעהר איינפאכער, ד. ה. זעהר שעהן־געפוצטע זומער־קלייד, וואס איז פאר איהר אויסגעשריבען געווארען פון פאריז.

דיא פרינצעסין האט געזאגט: „איך האף, אז רויזען וועלען זיך שנעל צו־

ריק־קעהרען צו דעם דאָזיגען שעהנינקען פּנים'על" און דיא שטשערבאצקים זיינען שוין געוועזען אויף בעשטימטע וועגען פון לעבען פון וועלכע מען קאָן שוין ניט אָראָבגעהן. זיי זיינען בעקאנט געוואָרען מיט דער פאמיליע פון אן ענגלישער לײדי, מיט א דייטשער גרעפין און מיט איהר זוהן, וועלכער איז פערוואונדעט געוואָרען אין דער לעצטער מלחמה, מיט א געלעהרטען שווייד און מיט מ. קאנוט און זיין שוועסטער. אָבער דיא הויפט געזעלשאפט פון דיא שטשערבאצקים איז בעשטאנען פון א מאָסקווער דאמע, מאריא יעווגעניעוונא רטיטשעווא, מיט איהר טאָכטער, וועלכע קיטי האָט ניט געקאָנט ליידען דערפאר, וואָס זיא איז אויך אזוי וויא זיא קראנק געוואָרען פון ליעבע, און א מאָסקווער פאָלקאָווניק, וועלכען קיטי האָט געקאָנט נאָך פון קינדווייז אָן, זעהענדיג איהם אין א מונדיר מיט עפּאָלעטען, און דאָ איז ער, מיט זיינע קליינע אויגלעך און מיט זיין אָפענעם נאַקען, אָהן א מונדיר, מיט א קאָלירטען האלזטוך, געוועזען זעהר לעבערליך און לאנגווייליג, ווייל מען האָט פון איהם ניט געקאָנט פּטור ווערען.

קיטי'ס הויפט אינטערעס איז איצט בעשטאנען אין בעאָבאכטען און צוקוקען זיך צו דיא, וועלכע זיא האָט נאָך ניט געקענט. לויט דיא אייגענשאפטען פון איהר כאראקטער האָט קיטי וועגען מענשען אימער געטראכט גוט און האָט ערווארט פון זיי צו זעהען דאָס בעסטע, און בעזאָנדערנס אין דיא, וועלכע זיא האָט ניט געקענט. און איצט, וועלענדיג טרעפען, וואָס דאָס זיינען פאר מענשען און וואָס זיינען זייערע בעציהונגען, האָט קיטי זיך פאָרגעשטעלט אין זיי דיא וואונדערליכסטע און בעסטע כאראקטערען און האָט געפונען א גרונד פאר איהרע ערווארטונגען.

פון אזעלכע פערזאָנען האָט איהר הויפטזעכליך פאראינטערעסירט א רוסישע מיידעל, וועלכע איז געקומען צופאָהרען אין דיא בעדער מיט א קראנקער רוסישער דאמע, מאדאם שטאהל, וויא מען האָט זיא גערופען. מאדאם שטאהל האָט בעלאנגט צו דער העכערער געזעלשאפט, אָבער זיא איז געוועזען אזוי קראנק, אז זיא האָט ניט געקענט געהן, און בלויז אין זעלטענע שעהנע וועטערן, פלעגט זיא ערשיינען געפיהרט אין א וועגעלע. מאדאם שטאהל איז ניט געוועזען בעקאנט מיט קיינע פון דיא רוסישע, ניט איבער איהר קראנקהייט, נור אויס שטאָלץ, וויא דיא פירסטין האָט ערקלעהרט. דיא רוסישע מיידעל האָט בעדיענט דיא מאדאם שטאהל. נור אויסער דעם פלעגט זיא פיהרען בעקאנטשאפט גראד מיט דיא קראנקע און זיא איז געוועזען אזוי גוט צו זיי אלעמען, וויא זיא איז געוועזען צו דער מאדאם שטאהל.

דיא דאָזיגע רוסישע מיידעל, וויא קיטי האָט באמערקט, איז ניט געוועזען קיין פערוואנדטע פון מאדאם שטאהל און אין דערזעלבער צייט אויך ניט קיין געדונגענע העלפערין. מאדאם שטאהל האָט זיא גערופען ווארענקא, און אנדערע האָבען זיא גערופען „מאדמאזעל ווארענקא". שוין אויסער דעם וואָס קיטי האָט זיך אינטערעסירט צו זעהען דיא גוטהערציגע בעציהונגען פון ווארענקא צו דער מאדאם שטאהל און צו אנדערע קראנקע, האָט זיא עפּעס, וויא עס פאסירט, געפיהלט א סימפאטהיע צו דער מיידעל, און זיא האָט געזעהען פון מאדמאזעל

ווארענקא׳ס בליקען, אז זיא געפעלט איהר אויך, ווען זיי פלעגען זיך באגעגענען מיט זייערע אויגען.

מאדמאזעל ווארענקא איז געוועזן ניט בלויז ניט פון דער ערשטער יוגענד, נור וויא א מין פערזאן אהן וועלכע ניט איז יוגענד: מען האט געקאנט רעכענען זיא פאר נײַנצעהן און מען האט זיא געקאנט רעכענען פאר דרייסיג. ווען מען זאל אורטהיילען פון איהרע געזיכטסציגע, זיינען זיי געוועזן, ניט קוקענדיג אויף דער קריינקליכער פארב אין געזיכט, גיכער שעהן אלס מיאוס. זיא וואלט געוועזן אויך גוט געבויט, אויב איהר קערפער וואלט ניט געוועזן אזוי מאגער און אויב איהר קאפּ וואלט געוועזן ניט אזוי גרויס, לויט איהר מיטעלען וואוקס; אבער זיא האט גארניט געדארפט זיין אנציהענד פאר מענער. זיא איז געוועזן עהנליך צו א שעהנעם בלום, אבער שוין אן אבגעבליהטע, אהן א ריח, אבוואהל פול מיט בלעטעלעך. אויסער דעם האט זיא ניט געקאנט זיין אנציהענד פאר מענער נאך אויך דערפאר, וואס איהר האט געפעהלט דאס, וואס איז געוועזן צופיעל אין קיטי — דער איינגעהאלטענער פייער פון לעבען און דאס בעוואוסטזיין אז זיא איז אנציהענד.

זיא האט אויסגעזעהען שטענדיג צו זיין באשעפטיגט מיט עפּעס, אין וואס מען האט ניט געקענט צווייפלען, און דארום האט זיא, קענטיג, מיט קיין זייטיגע זאכען ניט אינטערעסירט זיך. איבער דער דאזיגער פארקעהרטקייט פון איהר האט זיא בעזונדער נאך צוגעצויגען קיטין. קיטי האט געפיהלט, אז אין איהר, אין דער ארט פון איהר לעבען וועט זיא געפינען א מוסטער, וואס זיא האט איצט מיט אזעלכע מאטערנעס געזוכט פאר זיך: דיא אינטערעסען פון לעבען, דיא ווירדע פון לעבען האט זיא געזוכט, אבער ניט אין יענע געזעלשאפטליכע בעציהונגען פון א מיידעל צו מאנסלייט, וואס האט זיך איצט פארגעשטעלט פאר איהר אלס שענדליך, אלס אן אויסשטעלונג פון סחורה, וואס ערווארט א קויפער, און דאס איז פאר קיטין איצט געוועזן עקעלהאפט.

וואס מעהר קיטי האט בעאבאכטעט איהר אונבעקאנטען פריינד, אלץ מעהר האט זיא זיך איבערצייגט, אז דיא דאזיגע מיידעל איי אקוראט יענע פאלקאמענע באשעפענעס, וויא זיא האט זיך פארגעשטעלט, און אלץ מעהר האט זיא געוואלט שליסען מיט איהר בעקאנטשאפט.

ביידע מיידלעך פלעגען זיך בעגעגענען איינִיגע מאהל א טאג, און ביי יעדער מאהל בעגעגענען זיך האבען קיטיס אויגען גערעדט: „ווער זייט איהר? וואס זייט איהר? אמת דאך, אז איהר זייט א פרעכטיגע באשעפענעס, וויא איך שטעל אייך זיך פאר. אבער אום גאטעס ווילען מיינט ניט — האט געזאגט איהר בליק — אז איך ערלויב זיך אנהייגען זיך פיר בעקאנטשאפט. איך האב פשוט הנאה פון אייך און איך ליעב אייך.“

„איך האב אייך ליעב און איהר זייט זעהר זעהר ליעבליך. און איך וואלט אייך נאך מעהר געליעבט, ווען איך וואלט דערווייל צייט געהאט“ — האט געענטפערט דער בליק פון דער אונבעקאנטער מיידעל. און ווירקליך, קיטי האט געזעהען, אז זיא איז שטענדיג פערנומען: ענטוועדער זיא פיהרט פון באדען זיך דיא קינדער פון דער רוסישער פאמיליע אדער זיא טראגט דעם פלעד פאר דער

קראַנקער און וויקעלט זיא איין, אָדער זיא זוכט צו אַמוזירען אַ נערוועזען קראַנקען, אָדער זיא קלייבט אויס געבעקס צום קאַפּעע פאַר עמיצען.

באַלד נאָך דער אנקונפט פון דיא שטשערבאַצקיס זיינען אָנגעקומען נאָך צוויי פּערזאָנען, וואָס האָבען אויף זיך געווענדעט דיא אַלגעמיינע אונפריינדליכע אויפמערקזאַמקייט. דאָס זיינען געווען: זעהר אַ הויכער, עטוואָס געבויגענער מאַנספּערזאָן מיט אָנגעפּייערטע הענד אין אַ קורצען, ניט נאָך זיין מאָס, אַלטען מאַנטעל, מיט שוואַרצע, נאַאיווע און אין דערזעלבער צייט שרעקליכע אויגען, און אַ זומער־שפּרינקעלדיגע, ליעבליכע פרויענצימער, וועלכע איז געווען זעהר שלעכט און אָהן אַ געשמאַק געקליידט.

דערקענענדיג אַז דיא דאָזיגע מענשען זיינען רוסישע, האָט קיטי אין איהר פאַנטאַזיע שוין אָנגעהויבען פערפאַסען וועגען זיי אַ שעהנעם און ריהרענדען ראָמאַן. אָבער ווען דיא פּירסטין האָט זיך דערוואוסט פון דער קור־ליסטע, אַז דאָס זיינען געווען ניקאָלאַי לעווין און מאַריא ניקאָלאַיעוונא, האָט זיא קיטין ערקלעהרט, וואָס פאַר אַ פערדאָרבענער מענש דער דאָזיגער לעווין איז, און אַלע פאַנטאַזיען וועגען דיא דאָזיגע צוויי פּערזאָנען זיינען פון איהר פערשוואונדען. ניט אַזוי איבער דעם וואָס דיא מוטער האָט איהר דערצעהלט, נור וויילע ער איז געווען אַ ברודער פון קאָנסטאַנטינען, און פאַר קיטין האָבען זיך דיא פּערזאָנען געוויזען העכסט אונאַנגענעהם. ניקאָלאַי לעווין האָט מיט זיין געוועהנהייט צו צוקען מיט'ן קאָפּ ערוועקט אין איהר אַ געפיהל פון אַבעקלונג.

איהר האָט זיך געדוכט, אַז אין זיינע גרויסע, שרעקליכע אויגען, וועלכע האָבען מיט עקשנות נאָכגעפאָלגט נאָך איהר, האָט זיך אויסגעדריקט אַ געפיהל פון האַס און פון אָבלאַכען, און זיא האָט געזוכט אויסצומיידען צו בעגעגענען זיך מיט איהם.

## 31.

עס איז געווען אַ פייכטער טאָג, אַ רעגען האָט געגאָסען דעם גאַנצען אינדער־פריה, און דיא קראַנקע האָבען מיט רעגענשירעמס געשטויסען זיך אין גאַלערעע. קיטי איז אַרומגעגאַנגען מיט איהר מוטער און מיט דעם מאָסקווער פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט פרעהליך געפראַנטעוועט אין זיין אייראָפּעאישען רעקעל, וועלכען ער האָט געקויפט אַ פאַרטיגען אין פראַנקפורט. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אויף איין זייט פון דער גאַל[illegible]ע, זוכענדיג אויסצומיידען לעווינען, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען אויף דער [illegible]נדער זייט. וואַרענקאַ, אין איהר דונקעלער קלייד און שוואַרצע היטעלע [illegible]יט אַרונטערגעבויגענע ראַנדען איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בלינדער פראַנצויזין אין דער גאַנצער לייננג פון דער גאַלערעע, און יעדען מאָל, ווען זיי האָט זיך בעגעגענט מיט קיטי, האָבען זיי זיך איבערגעוואָרפען מיט פריינדליכע בליקען.

# אננא קארענינא

— מאמא, קאן איך מיט איהר ריידען — האט געזאגט קיטי, נאכפאלגענדיג מיט דיא אויגען איהר אונבעקאנטע פריינדין און באמערקענדיג אז זיא געהט צו צום קוואל און אז זיי קאנען זיך דארט צונויפקומען.

— יא, אויב דו פערלאנגסט אזוי, איך וועל זיך בעסער פריהער ערקונדיגען וועגען איהר און וועל אליין צוגעהן — האט געענטפערט דיא מוטער — וואס האסט דוא אין איהר געפונען בעזאנדערעס געוויס א קאמפאניאנקע. אויב דו ווילסט וועל איך זיך שליסען בעקאנטשאפט מיט מאדאם שטאהל. איך האב געקאנט איהרע א שוועגערין — האט צוגעלייגט דיא פירסטין שטאלץ אויפהויבענדיג דעם קאפ.

קיטי האט געוואוסט, אז דיא פירשטין איז בעליידיגט פון דעם וואס דיא מאדאם שטאהל האט יאקאבי אויסגעמיידט צו בעקאנען זיך מיט איהר. קיטי האט דאס ניט געפאדערט.

— א וואונדער וואס פאר א ליעבליכע זיא איז! — האט זיא געזאגט קוקענדיג אויף ווארענקא אין דער צייט, ווען יענע האט דער פראנצויזין דערלאנגט א גלאז — גיט א קוק, וויא אלעס איז איינפאך, ליעבליך.

אנטקעגען זיי איז אנגעקומען לעווין מיט זיין דאמע און מיט דעם דייטשען דאקטאר, מיט וועלכען ער האט עפעס בייז און הויך גערעדט. זיי האבען זיך אבגעקעהרט, אום צו געהן צוריק און ניט בעגעגענען זיך מיט זיי, וויא זיי האבען פלוצלונג דערהערט שוין ניט קיין הויכען געשפרעך נור קולות. לעווין האט זיך אבגעשטעלט און האט געשריען, און דער דאקטאר האט זיך אויך געהיצט. ארום האט זיך אנגעקליבען א רעדעל. דיא פירסטין און קיטי זיינען שנעל אוועק, און דער פאלקאווניק איז אויך צוגעשטאנען צום רעדעל אום אויסצוגעפינען וועגען וואס עס האנדעלט זיך. אין עטליכע מינוט ארום האט זיי דער פאלקאווניק אנגעיאגט.

— וואס איז דאס דארט געוועזען? — האט דיא פירסטין א פרעג געטאהן.

— שמאך און שאנדע! — האט געענטפערט דער פאלקאווניק — איין זאך איז נור פאר וואס איינער האט מורא, ניט צו טרעפען זיך מיט א רוסישען אין אויסלאנד. דער דאזיגער הויכער הערר האט זיך צוקריגט מיט דעם דאקטאר, האט איהם אנגערעדט א מאסע זידלעריי דערפאר, וואס יענער היילט איהם ניט וויא ער וויל און האט זיך זאגאר פערמאסטען געגען איהם מיט'ן שטעקען. איינפאך א שאנדע!

— אך, וויא אונאנגענעהם! — האט געזאגט דיא פירסטין — נו, מיט וואס האט זיך געענדיגט?

— א דאנק, וואס דא האט זיך אין מיטען אריינגעמישט דיא דאזיגע... וואס טראגט דיא היטעלע וויא א שוועמעל. א רוסישע דוכט זיך איז זיא אויך — האט געזאגט דער פאלקאווניק.

—מאדמאזעל ווארענקא? — האט מיט פרייד געפרעגט קיטי.

— יא, זיא. זיא האט זיך איינגעפונען פריהער פון אלע: זיא האט גענומען דעם העררן אונטערן ארעם און האט איהם אוועקגעפיהרט.

— זעה, איהר, מאַמאַ — האָט קיטי אַ זאָג געטאָהן דער מוטער — און איהר וואונדערט זיך אַלץ פאַר וואָס איך בין אַזוי ענטציקט פון איהר.

פון דעם פאָלגענדען טאָג אָן האָט קיטי, בעאָבאַכטענדיג איהר אונבעקאַנטע פריינדין באמערקט אַז זיא איז שוין מיט לעווין און מיט זיין דאַמע אין דיזעלבע בעציהונגען וויא זיא איז געוועזן מיט איהרע איבעריגע פראָטעזשעס. זיא פלעגט צוגעהן אָפט צו זיי, האָט מיט זיי פערבראַכט, האָט געדיענט אַלס איבערזעצערין פאַר דער פרוי, וועלכע האָט ניט געקאָנט ריידען אויף קיין איין פרעמדער שפּראַך אויסער איהר אייגענע רוסיש.

קיטי האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען צו בעטען זיך ביי איהר מוטער צו שליסען בעקאַנטשאַפט מיט וואַרענקאַ. און וויא אונאַנגענעהם עס איז ניט געוועזן פאַר דער פירסטין צו מאַכען דעם ערשטען שריט אין דעם פערלאַנג צו שליסען בעקאַנטשאַפט מיט מאַדאַם שטאַהל, וועלכע האָט זיך ערלויבט צו זיין אַזוי גדלות׳דיג וועד ווייס מיט וואָס, האָט זיא אָנגעהויבען צו ערקונדיגען זיך וועגען וואַרענקאַ. זיא האָט זיך דערוואוסט וועגען איהר איינצעלהייטען, פון וועלכע זיא האָט געקאָנט שליסען, אַז עס איז ניטאָ קיין שאַדען, אָבוואָהל אויך ווייניג נוצען, אין דער דאָזיגער בעקאַנטשאַפט; זיא איז אַליין דיא ערשטע צוגעגאַנגען צו וואַרענקאַ און האָט זיך בעקאַנט געמאַכט מיט איהר.

אויסקלייבענדיג אַ צייט, ווען איהר טאָכטער איז געגאַנגען צום קוואַל און ווען וואַרענקאַ האָט זיך אָבגעשטעלט געגען דער בעקעריי, איז דיא פירסטין צוגעגאַנגען צו איהר.

— ערלויבט מיר בעקאָנען זיך מיט אייך — האָט זיא געזאָגט מיט איהר ווירדיגען שמייכעל — מיין טאָכטער איז אין אייך פערליעבט — האָט זיא געזאָגט — עס קאָן זיין, אַז איהר קאָנט מיך ניט. איך...

— דאָס איז מעהר אַלס געגענזייטיג, פירסטין — האָט האַסטיג געענטפערט וואַרענקאַ.

— וואָס פאַר אַ גוטע טהאַט איהר האָט נעכטען געטאָהן פאַר אונזער אַרעמזעליגען לאַנדסמאַן! — האָט געזאָגט דיא פירסטין.

וואַרענקאַ איז רויט געוואָרען.

— איך געדיינק ניט; איך האָב, דוכט זיך, גאָר נישט געטאָהן — האָט זיא געזאָגט.

— וואָס הייסט, איהר האָט בעפרייט לעווינען פון אונאַנגענעהמליכקייטען.

— יאַ, זיין קאָמפּאַניאָנקע האָט מיך אַ רוף געטאָהן און איך האָב איהם געגומען בערוהיגען: ער איז זעהר קראַנק און איז אונצופריעדען געוועזן פון דאָקטאָר. און איך בין געוואָהנט אַרומצוגעהן אַרום קראַנקע.

— יאַ, איך האָב געהערט אַז איהר וואָהנט אין מענטאָן מיט אייער טאַנטע, דוכט זיך, מאַדאַם שטאַהל. איך האָב געקענט איהרע פערוואַנדטע.

— — ניין, זיא איז מיר ניט קיין טאַנטע. איך רוף זיא מ אַ מ אַ, אָבער מיר זיינען ניט פערוואַנדט; איך בין פון איהר ערצויגען געוואָרען — האָט ווידער רויט ווערענדיג געענטפערט וואַרענקאַ.

# אננא קארעניגא

דאָס איז געווען געזאָגט אזוי איינפאַך, אזוי ליעבליך איז געווען איהר וואהרהייטליכער און אָפענער פּנים, אז דיא פירסטין האָט פערשטאַנען פאר וואָס קיטי האָט אזוי ליעב בעקומען דיא דאָזיגע ווארענקא.

— נו, וויא איז מיט דעם לעווינען? — האָט אַ פרעג געטאָהן דיא פירסטין.

— ער פאָהרט אַוועק — האָט געענטפערט ווארענקא.

אין דער ווײַלע איז פון קוואַל געגאַנגען קיטי, שײַנענדיג מיט פרייד, וואָס איהר מוטער האָט געשלאָסען בעקאַנטשאַפט מיט איהר אונבעקאַנטע פריינדין.

— נו, קיטי, דײַן שטאַרקער וואונש בעקאַנט צו ווערען מיט מאַדמאַזעל...

— „ווארענקא" — האָט שמייכלענדיג אונטערגעזאָגט ווארענקא — אזוי רופען מיך אַלע.

קיטי איז רויט געוואָרען פון פרייד און האָט לאַנג שווייגענדיג געדריקט דיא האַנד פון איהר נייעם פריינד, וועלכע האָט ניט געענטפערט אויף איהר דרוק, נור האָט געלאָזען איהר האַנד לאַנג ליגען אין קיטים. דיא האַנד האָט ניט געענטפערט אויף דעם פריינדליכען דרוק, אָבער מאַדמאַזעל ווארענקאָס פּנים האָט אויפגעשיינט מיט אַ שמייכעל פון פרייד, אָבוואָהל געמישט מיט ביינקשאַפט, צועפענענדיג גרויסע, אָבער שעהנע צייהנער.

— איך האָב אַליין שוין לאַנג דאָס געוואונשען, — האָט זיא געזאָגט.

— אָבער איהר זייט אזוי באשעפטיגט...

— איך, פערקעהרט, איך בין מיט קיין זאַך ניט בעשעפטיגט — האָט ווארענקא געענטפערט, נור אין דערזעלבע־ מינוט האָט זיא געמוזט איבערלאָזען איהרע נייע בעקאַנטע, ווארום צוויי קליינע ·סישע מיידלאַך, טעכטער פון אַ קראַנקען, זיינען געלאָפען צו איהר.

— ווארענקא, דיא מאַמאַ רופט! — האָבען זיי געשריען.

און ווארענקא איז אַוועק מיט זיי.



דיא איינצעלהייטען, וועלכע דיא פירסטין האָט זיך ערקונדיגט וועגען ווארענקא׳ס פערגאַנגענהייט און וועגען איהר שיכות צו מאַדאַם שטאַהל, זיינען געווען פאָלגענדע:

מאַדאַם שטאַהל, וועגען וועלכער איינע האָבען דערצעהלט, אַז זיא האָט דעם מאַן דערגאַנגען די יאָהרען אין אנדערע האָבען דערצעהלט, אַז דער מאַן האָט זי געפּייניגט מיט זיין צולאָזענער אויפפיהרונג, איז געווען שטענדיג אַ קרענקלי־כע פרויענצימער מיט אַ געהויבענער נשמה. ווען זיא האָט געבוירען אַ קינד נאָך דעם וויא זיא איז געווען גע׳גט פון איהר מאַן, איז דאָס קינד גלייך געשטאָרבען

און מאַדאַם שטאַהל'ס קרובים, וויסענדיג וויא פיהלבאַר זיא איז און מורא האַבענדיג אַז דיא דאָזיגע נאַכריכט זאָל זיא ניט דערשלאָגען, האָבען איבערגעביטען איהר קינד, האָבען איהר אונטערגעלייגט אַ קינד, וועלכעס איז געבאָרען געוואָרען אין דערזעלבער נאַכט אין פּעטערבורג, אַ טאָכטער פון אַ קייזערליכען קוכער. דאָס איז געווען וואַרענקאַ. מאַדאַם שטאַהל האָט זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז וואַרענקאַ איז געווען ניט איהר טאָכטער, נור האָט פאָרגעשלאָגען צו ערציהען זיא, בפרט אַז גאַנץ באַלד נאָך דעם זיינען קיין פערוואַנדטע ביי וואַרענקאַ ניט געבליבען.

מאַדאַם שטאַהל האָט שוין מעהר אַלס צעהן יאָהר געוואָהנט אין אויסלאַנד, אין זידען, ערגעץ ניט אַרויספאָהרענדיג און קיינמאָהל ניט אויפשטעהענדיג פון בעט. און אייניגע האָבען געזאָגט, אַז מאַדאַם שטאַהל האָט זיך געוואָלט ערווערבען אַ געזעלשאַפטליכע אַנערקענונג אַלס אַ וואָהלטהעטיגע, זעהר רעליגיעזע פרוי; אַנדערע האָבען גערעדט, אַז זיא איז אין האַרצען געווען דיעזעלביגע הויך־מאָראַלישע פּערזאָן, וועלכע האָט געלעבט טאַקע אום גוטעס צו טאָהן פאַר אַנדערע, וויא זיא האָט זיך אַליין אַרויסגעשטעלט. קיינער האָט ניט געוואוסט, צו וועלכען גלויבען זי אַ בעלאַנגט — צום קאַטוילישען, פּראָטעסטאַנטישען אָדער פּראַוואָסלאַוונעם, אָבער איין זאַך איז געווען זיכער, זיא איז געשטאַנען אין פריינדליכע בעציהונגען צו דיא פאָרשטעהער פון אַלע קירכען און גלויבענס.

וואַרענקאַ האַט מיט איהר געוואָהנט שטענדיג אין אויסלאַנד; און אַלע, ווער עס האָט נור געקענט מאַדאַם שטאַהל, האָבען געקענט און האָבען געליעבט מאַדמאַזעל וואַרענקאַ, וויא אַלע האָבען זיא גערופען. דערוויסענדיג זיך וועגען דיא איינצעלהייטען, האָט דיא פירסטין ניט געפונען גאָרנישט וואָס עס זאָל דעריין שטערען איהר טאָכטער צו שליסען נאָהענטע בעקאַנטשאַפט מיט וואַרענקאַ, בפרט אַז וואַרענקאַ האָט געהאַט אַ גוטע ערציהונג און מאַניערען: זיא האָט גערעדט אַ פרעכטיגען פראַנצויז און ענגליש, און הויפּטזעכליך — האָט איבערגעגעבען פון מאַדאַם שטאַהל אַ גרוס, אַז איהר פאַרדריסט, וואָס איבער איהר קראַנקהייט איז זיא געראויבט פון דעם פערגניגען בעקאַנט צו ווערען מיט דער פירסטין.

קיטי איז אַלץ מעהר און מעהר ענטציקט געוואָרען פון איהר פריינד, ווען זיא איז בעקאַנט געוואָרען מיט וואַרענקאַ און יעדען טאָג האָט זיא אין איהר ענטדעקט אַלץ נייע מעלות. ווען דיא פירסטין האָט זיך ערקונדיגט, אַז וואַרענקאַ זינגט שעהן, האָט זיא אידר איינגעלאַדען צו קומען צו זיי אבענדס און זינגען.

— קיטי שפּיעלט, און ביי אונז איז פאַראַן אַ פּיאַנאָ; ניט אַזאַ גוטע, אמת, אָבער איהר וועט אינז מאַכען גרויס פערגעניגען — האָט געזאָגט דיא פירסטין מיט איהר געמאַטערטען שמייכעל, וועלכער איז איצט פאַר קיטין בעזאָנדערס אונאַנגענעהם געווען, ווארום זיא האָט באַמערקט, אַז וואַרענקאַ האָט קיין לוסט ניט צו זינגען. פּין דעסטוועגען איז אַבענדס וואַרענקאַ געקומען און האָט מיט זיך געבראַכט אַ העפט מיט נאָטען. דיא פירסטין האָט איינגעלאַדען מאַריא יעווגעניעוונאַ מיט דער טאָכטער און דעם פּאָלקאָוניק.

וואַרענקאַ האָט אויסגעזעהען צו זיין אין גאַנצען גלייכגילטיג וואָס דאַ

זיינען געווען אַלץ אונבעקאַנטע פּערזאָנען און זיא איז גלייך צוגעגאַנגען צום פּיאַנאָ. זיא האָט ניט געקאָנט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירען, אָבער זיא האָט געזונגען זעהר גוט פון נאָטען. קיטי, וועלכע האָט גוט געשפּיעלט, האָט איהר אַקאָמפּאַנירט.

— ביי אייך איז אַן אונגעוועהנליכער טאַלאַנט — האָט איהר דיא פירסטין געזאָגט נאָך דעם וויא ווארענקא האָט שעהן דורכגעזונגען דאָס ערשטע שטיק. מאַריא יעווגעניעוונא מיט דער טאָכטער האָבען געדאַנקט און אויך געלויבט זיא.

— זעהט — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק, קוקענדיג אין פענסטער — וואָס פאַר אַ פּובליקום עס האָט זיך אָנגעקליבען אייך צו הערען.

און ווירקליך, ארום פענסטער האָט זיך אָנגעקליבען אַ היבשע רעדעל מענשען.

— איך בין זעהר געוען, אז דאָס מאַכט אייך פערגעניגען — האָט וואַרענקא געזאָגט איינפאַך.

קיטי האָט מיט שטאָלץ געקוקט אויף איהר פריינד. זיא איז ענטציקט געוואָרען פון איהר קונסט, פון איהר שטימע, פון איהר געזיכט, נור מעהר פון אַלעם איז זיא ענטציקט געוואָרען פון איהרע מאַניערען, דערפון וואָס ווארענקא האָט, קענטיג, גאָר ניט געטראַכט אַזוי פיעל פון איהר געזאַנג, און איז געווען אין גאַנצען גלייכגילטיג צו דיא לויבונגען; זיא האָט בלויז וויא געפרעגט: דאַרף מען נאָך זינגען אָדער שוין גענוג?

„ווען דאָס וואָלט איך געווען — האָט געטראַכט פאַר זיך קיטי — וויא וואָלט איך דערמיט שטאָלצירט! וויא וואָלט מיך געפרעהט צו קוקען אויף דער מאַסע אונטער דיא פענסטער. און פאַר איהר איז דאָס גאַנץ גלייך. איהר בעוועגט נור דער וואונש ניט צו ענטזאָגען און טאָהן וואָס אנגענעהמעס פאַר מאַמאַ. וואָס־זשע איז אין איהר פאראַן? וואָס גיט איהר דיא קראַפט אויף קיין זאַך ניט צו קוקען און בלייבען אונאבהענגיג־רוהיג? וויא וואָלט איך דאָס וועלען וויסען און אויסלערנען זיך דאָס פון איהר!“ — האָט געטראַכט קיטי, איינקוקענדיג זיך אין דעם פּנים. דיא פירסטין האָט געבעטען ווארענקאַן נאָך זינגען, און וואַרענקא האָט געזונגען נאָך אַ שטיק אויך אַזוי גלייך, פּינקטליך און גוט, שטעהענדיג גראַד לעבען פּיאַנאָ און אָבקלאַפּענדיג אויף איהם טאַקט מיט איהר מאַגערער, דונקעלער האַנד.

דאָס פאָלגענדע שטיק אין נאָטען־העפט איז געווען אַן איטאַליענישעס ליעד. קיטי האָט געשפּיעלט דיא פּרעלודיע און האָט זיך אומגעקוקט צו ווארענקא.

— לאָמיר דיא איבערהיפּען — האָט געזאָגט ווארענקא רויט ווערענדיג.

קיטי האָט פראַגליך און ערשראָקען אָבגעשטעלט איהרע אויגען אויף ווארענקאַס פּנים.

— נו, דאָס צווייטע — האָט זיא האַסטיג געזאָגט, איבערקעהרענדיג דיא בלעטער און האָט גלייך פערשטאַנען, אז מיט יענעם ליעד איז עפּעס פערבונדען.

— ניין, האָט געענטפערט ווארענקא, אַוועקלייגענדיג דיא האַנד אויף דיא נאָטען און שמייכלענדיג — ניין, לאָמיר דאָס זינגען — און זיא האָט אויך דאָס שטיק דורכגעזונגען אויך אַזוי רוהיג, קאַלטבלוטיג און גוט, אַזוי וויא פריהער.

ווען זיא האָט געענדיגט האָבען איהר אַלע ווידער געדאַנקט און מען איז

געגאַנגען טהעע טרינקען. קיטי מיט ווארענקאַ זיינען ארויסגעגאַנגען אין קליי־נעם גערטעל, וועלכער איז געווען לעבען הויז.

— ניט אמת, אז ביי אייך איז פערבונדען אן עראינערונג עפּעס מיט יענעם ליעד? — האָט געפרעגט קיטי — איהר דארפט מיר ניט דערצעהלען. בלויז זאָגט מיר אויב דאָס איז אמת.

— ניין, פאַר וואָס ניט? איך וועל אייך זאָגען — האָט איינפאַך געזאָגט ווארענקאַ, און ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער האָט זיא פאָרטגעזעצט — יא, דאָס איז אן עראינערונג און איז אמאָל געווען זעהר א שווערע. איך האָב געליעבט איין מענשען און איך האָב דאָס איהם געזונגען.

קיטי האָט מיט גרויסע אָפענע אויגען שווייגענדיג און מיט ליעבע געקוקט אויף ווארענקאַ.

—— איך האָב איהם געליעבט און ער האָט מיך געליעבט; אָבער זיין מוטער האָט ניט געוואָלט און ער האָט חתונה געהאַט מיט אן אנדערער. ער וואָהנט איצט ניט ווייט פון אונז, און איך זעה איהם מאַנכע מאָהל. איהר האָט ניט גע־דיינקט, אז ביי מיר איז אויך געווען א ראָמאַן? — האָט זיא געזאָגט און אין איהר שעהנעם פּנים האָט קוים געפינקעלט יענער פייערעל, וועלכער האָט זיא אמאָל אין גאַנצען בעלויכטען.

— וואָס הייסט איך האָב ניט געדיינקט. ווען איך וואָלט געווען א מאַנס־פּערזאָן, וואָלט איך קיינעם ניט געקאָנט ליעבען נאָך דעם וויא איך האָב אייך דערקענט. איך פארשטעה בלויז ניט, וויא אזוי האָט ער אייך געקאָנט פארגעסען צוליעב זיין מוטערס פערלאַנג און מאַכען אייך אונגליקליך — ער האָט קיין הארץ ניט געהאַט.

— אָ, ניין, ער איז זעהר א גוטער מענש, און איך בין ניט אונגליקליך; פאַרקעהרט, איך בין זעהר גליקליך. נו, וועלען מיר היינט מעהר ניט זינגען? — האָט זיא א פרעג געטאָהן געהענדיג צום הויז.

— וואָס פאַר א גוטע, וואָס פאַר א שעהנע איהר זייט! — האָט א גע־שריי געטאָהן קיטי און האָט זיא אָבגעשטעלט און א קוש געטאָהן — ווען איך וואָלט וויינינגסטענס אביסעלע געווען עהנליך צו אייך!

— צו וואָס דארפט איהר זיין עהנליך צו עמיצען? איהר זייט גוט אזוי וויא איהר זייט — האָט געזאָגט ווארענקאַ, שמייכלענדיג מיט איהר זאנפטען און מידען שמייכעל.

— ניין, איך טויג גאָר ניט. נו, זאָגט מיר... ווארט, לאָמיר זיצען א ווילע - האָט געזאָגט קיטי, אוועקזעצענדיג זיא אויפ'ן ביינקעל לעבען זיך — זאָגט, איז דאָס דען ניט א בעליידיגונג צו דיינקען, אז א מענש האָט ניט געאַכטעט אייער ליעבע, אז ער האָט ניט געוואָלט?...

— ווער זאָגט דאָס אז ער האָט ניט געאַכטעט; איך גלויב, אז ער האָט מיך געליעבט, אָבער ער איז געווען א געהאָרכזאַמער זוהן....

— יא, אָבער וויא ווען ער וואָלט ניט געהאַנדעלט לויט דער מוטערס ווי־לען, נור אליין?... — האָט געזאָגט קיטי פיהלענדיג אז זיא האָט שוין ארויסגע

געבען איהר געהיימנים און אז איהר פנים, וועלכער האט זיך פארדעקט מיט דער רויטקייט פון שאנדע האט איהר פער׳מסר׳ט.

— דאן וואלט דאס הייסען, אז ער האט געהאנדעלט שלעכט און מיך וואלט וועגען איהם ניט פערדריסען — האט געענטפערט ווארענקא, פערשטעהענדיג אפנים, אז דאס האנדעלט זיך שוין ניט וועגען איהר נור וועגען קיטי.

— איך האס איהם; איך קאן עס זיך ניט פערצייהען.

— אך, ווען איך וואלט אזוי זיין וויא איהר, פיהלבאר — האט געזאגט ווארענקא — ניטא קיין מיידעל, וואס וואלט דאס ניט געפיהלט. און דאס איז איהם איצט אדער ניט? — האט געזאגט ווארענקא, אנרופענדיג אלעס מיט דיא נעמען.

— אבער דיא בעליידיגונג? — האט געזאגט קיטי — א בעליידיגונג קאן מען נים פערגעסען, מען טאר ניט פערגעסען — האט זיא געזאגט, דערמאנענדיג זיך איהר בליק אויף דעם לעצטען באל, ווען דיא מוזיק האט זיך אבגעשטעלט.

— אין וואס בעשטעהט דיא בעליידיגונג? איהר האט דאך קיין שלעכטעס ניט געטאהן?

— נאך ערגער אלס שלעכט — שענדליך.

ווארענקא האט א שאקעל געטאהן מיט׳ן קאפ און האט ארויפגעלייגט איהר האנד אויף קיטים האנד.

— אבער אין וואס בעשטעהט דיא שענדליכקייט — האט זיא געזאגט — איהר האט דאך ניט געקאנט זאגען א מענשען, וועלכער איז צו אייך גלייכגילטיג אז איהר ליעבט איהם.

— געוויס, ניט. איך האב קיין מאל ניט געזאגט, קיין איין ווארט, ער האט אבער געוואוסט. ניין, ניין; עס זיינען פאראן בליקען, עס זיינען פאראן מאניערען. הונדערט יאהר ווען איך זאל לעבען וועל איך דאס ניט פארגעסען.

— איז וואס־זשע? איך פערשטעה ניט. דיא פראגע איז, ליעבט איהר אלעס אזוי ניט וויכטיג.

— וואס־זשע איז וויכטיג? — האט געפרעגט קיטי קוקענדיג אין איהר פנים מיט נייגעריגע פערוואונדערונג.

— אך, פיעלעס איז וויכטיג — האט שמייכלענדיג געזאגט ווא־ענקא.

— וואס־זשע נעמליך?

— אך, פיעל וויכטיגערעס איז פאראן — האט געענטפערט ווארענקא, ניט וויסענדיג וואס צו זאגען. אבער אין דער מינוט האט זיך פון פענכטער דער־הערט דיא פירסטינס שטימע:

— קיטי, עס איז קיהל! ענטוועדער נעהם א שאל אדער געה אריין אין שטוב.

— אמת, עס איז שוין צייט — האט געזאגט ווארענקא אויפהויבענדיג זיך — און איך דארף נאך אריינגעהן צו מאדאם בערטהע. זיא האט מיך געבעטען.

קיטי האט זיא געהאלטען ביי דער האנד און האט מיט א ליידענשאפט־ליכער נייגעריגקייט און מיט א בעטענדען בליק געפרעגט: „וואס־זשע איז דאס וויכטיגסטע וואס עס פערשאפט אזא רוהיגקייט? איהר ווייסט, זאגט מיר.“

אָבער װארענקא האָט אפילו ניט פערשטאַנען דאָס, װעגען װאָס קיטיס בליק האָט איהר געפרעגט. זיא האָט בלױז געדיינקט װעגען דעם, אַז זיא דאַרף נאָך אַריינגעהן צו מאַדאַם בערטהע און בעװייזען צו זיין אין דערהיים צו טהעע מיט מאַמאַ, אום צװעלף אוהר. זיא איז אַריין אין הויז, האָט צונויפגענומען די נאָטען און נעהמענדיג פון אַלעמען אבשיעד, האָט זיא זיך געקליבען אַװעקצוגעהן.

— ערלויבט נור, איך װעל אייך בעגלייטען — האָט געזאָגט דער פּאַלקאָװניק.

— טאַקע, װיא װעט איהר געהן איינע אַליין ביי דער נאַכט? — האָט צוגעשטימט די פּירסטין — איך װעל שיקען מיט אייך װייניגסטענס פּאַראַשען.

קיטי האָט געזעהען, אַ װארענקא האָט קוים געקענט צוריקהאַלטען איהר שמייכעל אויף די װערטער, אַז זיא דאַרף האָבען מען זאָל זיא בעגלייטען.

— ניין, איך געה אימער איינע אַליין און מיט מיר פּאַסירט קיין מאָהל גאָרנישט — האָט זיא געזאָגט נעהמענדיג איהר היטעלע. זיא האָט נאָך אמאָל געקושט קיטי, און ניט זאָגענדיג איהר װאָס דאָס װיכטיגסטע איז, מיט די נאָטען אונטערן פּאַכװע, איז זיא מיט פעסטע טריט פערשװאונדען אין דער האַלב פינסטערנעס פון דער זומערדיגער נאַכט, אַװעקטראָגענדיג מיט זיך די געהיימנים װעגען דעם, װאָס עס איז װיכטיג און װאָס עס גיט איהר די דאָזיגע בענײדע־סװערטהע רוהיגקייט און װירדע.

33.

קיטי איז בעקאַנט געװאָרען מיט מאַדאַם שטאַהל און די דאָזיגע בעקאַנטשאַפט צוזאַמען מיט איהר פריינדשאַפט צו װאַרענקא, האָט ניט בלױז געהאַט אויף איהר אַ שטאַרקען איינפלוס, נור איז אויך געװען אַ טרויסט פאַר איהר אין איהרע יסורים. זיא האָט געפונען דעם דאָזיגען טרויסט דעריין, װאָס פאַר איהר האָט זיך געעפענט אַ נייע װעלט צו פערדאַנקען דער דאָזיגער בעקאַנטשאַפט, אַ נייע װעלט, װעלכע האָט קיין געמיינשאַפטליכעס ניט געהאַט מיט איהר פערגאַנגענהייט — אַ געהויבענע װעלט, אַ שעהנע, פון דער הויכקייט פון װעלכער מען האָט געקאָנט רוהיג קוקען אויף דאָס פערגאַנגענע. עס האָט זיך געעפענט פאַר איהר עפּעס אויסער דעם אינסטינקטיװען לעבען, װעלכען קיטי האָט ביז איצט געלעבט, אויך אַ גייסטיגעס לעבען.

דאָס דאָזיגע לעבען האָט זיך פאַר איהר געעפענט דורך רעליגיאָן, אָבער אַ רעליגיאָן, װאָס האָט קיין געמיינשאַפטליכעס ניט געהאַט מיט יענער אַלגעמיינער, װעלכע מען האָט מיט קיטי געלערענט פון איהר קינדװייז אָן, און װעלכע האָט זיך אויסגעדריקט, אין פּראַװען תפילות אין קירכע און אין לעהרנען מיט'ן גלח אויסװייניג די תחינות פון סלאַװישען סידור; דאָס איז געװען אַ געהויבענע רעליגיאָן, אַ געהיימניספולע, װעלכע איז פערבונדען מיט אַ גאַנצער רייהע פון

שעהנע געדאַנקען און געפיהלען, אין וועלכער ניט נור מען קאָן גלויבען דערפאַר, ווייל אַזוי האָט מען געהייסען, נור וועלכע מען קאָן ליעבען.

קיטי האָט זיך דאָס דערוואוסט ניט פון ווערטער. מאַדאַם שטאַהל האָט גערעדט מיט קיטי, וויא מיט אַ ליעבען קינד, אויף וועלכען מען האָט הנאה צו קוקען, וויא אויף דער ערינערונג פון אייגענער יוגענד, און בלויז איין מאָהל האָט זיא איהר דערמאָהנט וועגען דעם, אַז אין אַלע מענשליכע ליידען איז דאָ נור איין זאַך וואָס גיט טרויסט, דאָס איז ליעבע און גלויבען און אַז אין קירסטוס׳עס מיטלייד מיט אונז זיינען ניטאָ קיין פוסטע יסורים, אָבער זיא האָט באַלד אי־בערגעריסען דעם געשפּרעך און האָט מיט איהר אָנגעהויבען ריידען וועגען עפּעס אַנדערעס.

אָבער קיטי האָט אין איהר יעדער בעוועגונג, אין יעדען וואָרט, אין יעדען הימעלשען בליק, וויא קיטי האָט דאָס אָנגערופען, בעזאָנדערנס אין דער גאַנצער געשיכטע פון איהר לעבען, וואָס זיא האָט זיך דערוואוסט פון וואַרענקאַ — אין אַלעס האָט זיא זיך דערוואוסט דאָס „וואָס איז געווען וויכטיג“ און וואָס זיא האָט ביז איצט ניט געוואוסט.

אָבער וויא געהויבען עס איז ניט געווען מאַדאַם שטאַהל׳ס כאַראַקטער, וויא ריהרענד עס איז ניט געווען איהר גאַנצע געשיכטע, וויא צערטליך עס זיינען ניט געווען איהרע רייד, האָט קיטי אין איהר באַמערקט אַזעלכע כאַראַקטער־ציגע, פון וועלכע זיא איז געוואָרען אין פערלעגענהייט. זיא האָט באַמערקט אַז אויס־פרעגענדיג זיא וועגען איהרע פערוואַנדטע, האָט מאַדאַם שטאַהל געשמייכעלט מיט אַ מין פעראַכטונג, וואָס עס איז געווען אונפּאַסיג פאַר קריסטליכע גוטסקייט. זיא האָט אויך באַמערקט. ווען זיא האָט איין מאָל ביי איהר געטראָפען אַ קאַטוי־לישען גלח, אַז מאַדאַם שטאַהל האָט מיט אַ כיון בעהאַלטען איהר פּנים אין שאַ־טען פון׳ם אַבאַזשור און האָט בעזאָנדערנס געשמייכעלט. וויא ניט וויכטיג עס זיינען געווען דיא צוויי זאַכען וואָס זיא האָט באַמערקט, האָט דאָס איהר גע־שטעלט אין פערלעגענהייט, און זיא האָט אָנגעהויבען צווייפלען אין מאַדאַם שטאַהל. אָבער דערפאַר איז פאַר איהר וואַרענקאַ, אַ עלענדע, אָהן פערוואַנדטע, אָהן פריינד, מיט אַ ביינקענדער ענטטוישונג אין האַרצען און קיין זאַך ניט ווינשענדע, געווען יענע פאָלקאָמענהייט, וועגען וועלכער קיטי האָט זיך ערלויבט צו טרוימען. פון וואַרענקאַן האָט זיא פערשטאַנען, אַז מען דאַרף בלויז פאַרגע־סען אויף זיך און ליעבען אַנדערע, און דאַן ביסט דוא רוהיג, גליקליך און שעהן. און אַזאַ האָט קיטי געוואָלט זיין.

איצט, ווען זיא האָט פערשטאַנען וואָס דאָס וויכטיגסטע איז, האָט שוין קיטי ניט בעפרידיגט זיך בלויז מיט ענטציקט ווערען דאַפיר, נור זיא האָט זיך באַלד מיט׳ן גאַנצען האַרצען איבערגעגעבען דעם דאָזיגען נייעם לעבען, וועלכער האָט זיך געעפענט פאַר איהר. פון וואַרענקאַס ערצעהלונגען וועגען דעם וואָס מאַדאַם שטאַהל און אַנדערע אַזעלכע טהוען, האָט קיטי זיך שוין אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פאַר איהר קינפטיגען לעבען. זיא וועט אויך, וויא מאַדאַם שטאַהל׳ס פּלימעניצע, אַלינע, וועגען וועלכער וואַרענקאַ האָט איהר פיעל דערצעהלט, אויפ־זוכען אונגליקליכע, וועט זיי העלפען מיט וואָס נור זיא קאָן, וועט פערטהיילען

עוואַנגעליומס, וועט לעזען דאָס עוואַנגעליום פאַר קראַנקע, פאַר פערברעכער, פאַר שטאַרבענדע. דער געדאַנק צו לעזען דאָס עוואַנגעליום פאַר פערברעכער, וויא דאָס טהוט אלינע, האָט בעזאָנדערנס בעצויבערט קיטין. אָבער דאָס זיינען אַלין געווען געהיימע טרוימערייען, וועלכע קיטי האָט ניט ארויסגעזאָגט, ניט דער מוטער און ניט ווארענקאַן.

אָנפאַנגס האָט דיא פירסטין געמערקט בלויז, אַז קיטי געפינט זיך אונטער דעם שטאַרקען איינפלוס פון דער מאַדאַם שטאַהל און פון ווארענקא. זיא האָט געזעהען אַז ניט בלויז אַהמט קיטי נאָך ווארענקאַ אין איהר טהעטיגקייט נור אַז זיא אַהמט איהר נאָך ניט וועלענדיג אפילו אין גאַנג, אין מאַניערען, אין ריידען, אין ווינקען מיט דיא אויגען. אָבער שפעטער האָט דיא פירסטין באַמערקט, אַז אין איהר טאָכטער קומט פאָר אַן ערנסטע גייסטיגע איבערקעהרענעס, גאַנץ אונאַבהענגיג פון דעם איינפלוס פון ווארענקאַ און מאַדאַם שטאַהל.

דיא פירסטין האָט געזעהען וויא קיטי לעזט אין דיא אבענדען דאָס פראַנצויזישע עוואַנגעליום, וואָס דיא מאַדאַם שטאַהל האָט איהר געשיינקט, וואָס זיא פלעגט פריהער קיין מאָהל ניט טאָהן; אַז זיא מיידט אויס געזעלשאַפטליכע בעקאַנטשאַפט און בעזוכט דיא קראַנקע, וועלכע געפינען זיך אונטער ווארענקאַ'ס וואָהלטהעטיגען שוץ, און בעזאָנדערס, אַז זיא פערברייגט אָפט מיט דער קראַנקער פאַמיליע פון דעם קראַנקען מאַהלער פעטראָוו. קיטי האָט קענטיג שטאָלצירט דערמיט, וואָס זיא האָט ערפילט אין דער דאָזיגער פאַמיליע דיא אַרבייט פון אַ ווארטערין. דאָס אַלעס איז געווען גוט און דיא פירסטין האָט גאָרנישט געהאַט דאַגעגען, בפרט, אַז פעטראָווס פרוי איז געווען אַ פאָלשטענדיג אנשטענדיגע פרויענצימער, און אז דיא פרינצעסין, וועלכע האָט בעמערקט קיטיס טהעטיגקייט, האָט זיא געלויבט רופענדיג זיא טרויסטענדער מלאך. דאָס אַלעס וואָלט געווען זעהר גוט, אויב זיא וואָלט דאָס ניט געטאָהן צו פיעל. דיא פירסטין האָט געזעהען, אַז איהר טאָכטער פאַלט אַריין אין עקסטרעם, און זיא האָט דאָס איהר געזאָגט.

אָבער דיא טאָכטער האָט איהר גאָרנישט געענטפערט; זיא האָט בלויז געטראַכט וועגען דער נשמה און אז אין קריסטליכע וואָהלטהאַט טאָר מען ניט טראַכטען אַז מען טהוט איבעריגעס. וויא קאָן זיין צופיעל דאָרט וואו מען פאָלגט דיא לעהרען, וועלכע הייסען אונטערשטעלען דיא צווייטע באַק, ווען מען פאַטשט דיך אין איינע, און אָבגעבען אויך דיא העמד, ווען מען נעהמט פון דיר אוועק דעם בגד? דער פירסטין איז אָבער ניט געפעלען געווען, וואָס קיטי האָט זיך צופיעל דעריין אַריינגעלאָזען, און איהר איז נאָך מעהר ניט געפעלען געוואָרען, וואָס קיטי האָט פאַר איהר ניט געוואָלט צועפענען איהר האַרץ, איהר גאַנצע נשמה. קיטי האָט ווירקליך געהאַלטען בעהאַלטען פון דער מוטער איהרע נייע אַנזיכטען און געפיהלען. זיא האָט זיי געהאַלטען אין געהיים ניט דערפאַר, ווייל זיא זאָל דיא מוטער ניט אַכטען, ניט ליעבען, נור איינפאַך דערפאַר ווייל זיא איז איהר מוטער. אַן אַנדערען וואָלט זיא גיכער עפענען איהרע געדאַנקען.

— עפעס איז אַננאַ פאַוולאָוונא שוין לאַנג ניט געווען ביי אונז — האָט געזאָגט דיא פירסטין אַמאָל וועגען פעטראָוויכען — איך האָב זיא גערופען און זיא איז עפעס אזוי וויא אונצופריעדען.

— ניין, מאמא, איך האב דאס ניט באמערקט — האט א זאג געטאהן קיטי אויפגעפלאמט.

— ביסט דוא שוין לאנג ביי זיי ניט געוועזן?

— מיר קלייבען זיך מארגען צו מאכען א שפאציר אויף דיא בערג — האט געענטפערט קיטי.

— פאר וואס ניט, פאהרט — האט געענטפערט דיא פירסטין, איינקוקענדיג זיך אין איהר טאכטערס אביסעל פארשעהמטען פנים און וועלענדיג טרעפען דיא אורזאכע פון איהר פערלעגענהייט.

אין דעם דאזיגען טאג איז ווארענקא געקומען אלס גאסט צו מיטאג און האט ערקלעהרט, אז אננא פאוולאוונא האט איבערגעדיינקט און וועט מארגען ניט פאהרען אויף דיא בערג. און דיא פירסטין האט באמערקט, אז קיטי איז ווידער רויט געווארען.

— קיטי, האט ניט געטראפען עפעס אונאנגענעהמליכעס צווישען דיר און דיא פעטראָווס? — האט געפרעגט דיא פירכטין, ווען זיי זיינען געבליבען אליין — פאר וואס האט זיא אויפגעהערט צו שיקען אהער דיא קינדער און האט אויפגעהערט אויך אליין צו קומען אהער?

קיטי האט געענטפערט, אז צווישען זיי האט גארנישט פאסירט און אז זיא פארשטעהט ענטשיעדען ניט פאר וואס אננא פאוולאוונא איז עפעס וויא אונצופריעדען פון איהר. קיטי האט געענטפערט דעם אמת. זיא האט ניט געוואוסט דיא אורזאכע פון אננא פעטראוונאס ענדערונג צו איהר, אבער זיא האט זיך אנגעשטויסען אן אזוינס, וואס זיא האט דער מוטער ניט געקאנט זאגען און אפילו זיך אליין האט זיא דאס זאגען ניט געקאנט. דאס איז געוועזען איינע פון יענע זאכען, וועלכע דוא ווייסט, נור וועלכע מען טאר ניט זאגען אפילו זיך אליין: אזוי שרעקליך און שענדליך א טעות צו מאכען.

ווידער און ווידער האט זיא אין איהרע עראינערונגען צוגלידערט איהרע בעציהונגען צו דער דאזיגער פאמיליע. זיא האט זיך עראינערט דיא נאאיווע פרייד, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין דעם רונד גוטמוטהיגען פנים פון אננא פאוולאוונא, ווען זיא פלעגט זיא באגעגנען; זיא האט זיך דערמאנט זייערע געהיימע געשפרעכען וועגען דעם קראנקען; זייערע פארשווערונגען, וויא אבצוציהען איהם פון דער ארבייט, וועלכע איז איהם געווען פערבאטען און אוועקפיהרען איהם שפאצירען; דיא צוגעבונדענקייט פון דעם יונגסטען אינגעל, וועלכער פלעגט איהר רופען מיין קיטי און וועלכער פלעגט ניט וועלען לייגען זיך שלאפען אהן איהר. וויא גוט דאס איז אלעס געווען! דערנאך האט זיא זיך דערמאהנט אויף דער מאגער־מאגערער פיגור פון פעטראווען, מיט דער לאנגער האלז, מיט זיין ברוינעם ראק, זיינע שיטערע קרויזע האאר, זיינע בלויע, פראגענדע אויגען, וועלכע זיינען געוועזען שרעקליך פאר קיטין פון אנפאנג און זיין קראנקהאפטע מיה אויסצוזעהען מונטער און לעבעדיג אין איהר אנוועזענהייט.

זיא האט זיך דערמאנט, וויפיעל אנשטריינגונג זיא האט געדארפט מאכען אויף זיך צו איבערוועלטיגען דעם געפיהל פון אבשטויס, וואס זיא האט גע־

פיהלט צו איהם, וויא צו אלע שווינדזיכטיגע און איהר מיה צו־צוטראכטען עפּעס וואס איהם צו זאגען. זיא האט זיך דערמאנט דעם שעהמעוודיגען, געמילדערטען בליק, מיט וועלכען ער האט אויף איהר געקוקט און דעם זאנדערבארען געפיהל פון מיטלייד און אונבעקוועמליכקייט און דערנאך דאס בעוואוסטזיין פון איהר וואהלטהעטיגקייט, וואס זיא האט דערביי געפיהלט. וויא גוט דאס אלעס איז געוועזן! אבער דאס אלעס איז געוועזן דיא ערשטע צייט. איצט אבער, דיא לעצטע עטליכע טעג האט זיך דאס אלעס געביטען, איז פערקריפּעלט געווארען. אננא פּאוולאוונא האט זיא בעגעגענט מיט פארשטעלטער העפליכקייט און האט אהן אויפהער נאכגעשפּירט קיטין און איהר מאן.

„זאל דאס מעגליך זיין, אז דיא דאזיגע ריהרענדע פרייד, וואס עס ערוועקט זיך אין איהם, ווען זיא קומט, איז דיא אורזאכע פון אננא פּאוולאוונאס קאלט ווערען צו איהר?"

„יא — האט זיא זיך דערמאנט — עפּעס ניט נאטירליכעס איז געוועזן אין אננא פּאוולאוונא און גאר ניט עהנליך אויף איהר גוטסקייט, ווען זיא האט פארגעסטערען מיט פערדרוס געזאגט:

— ער האט אלץ דיא גאנצע צייט געווארט אויף אייך, האט ניט געוואלט אהן אייך קאפּעע טרינקען, אבוואהל ער איז זעהר אבגעשוואכט געווארען."

„יא, דאס קאן זיין דיא אורזאכע, און איהר האט געמוזט זיין אונאנגענעהם, ווען איך האב איהם דערלאנגט דעם פּלעד, צוצודעקען זיך — האט געטראכט קיטי — דאס אלעס איז דוכט זיך געוועזן אזוי איינפאך, נור ער האט עפּעס אזוי אונבעקוועם געגומען דעם פּלעד, האט אזוי לאנג געדאנקט, אז מיר אליין איז געווארען אונבעקוועם. און דאן, מיין פּארטרעט, וועלכען ער האט אזוי גוט געמאכט. און הויפּטזעכליך זיין בליק, אזוי שעהמעוודיג און צערטליך!... יא, יא, אזוי איז דאס! — האט מיט שרעק ווידערהאלט קיטי צו זיך אליין — ניין, אבער דאס קאן ניט זיין און דארף אזוי ניט זיין! אויף איהם איז אזא רחמנות!" האט זיא זיך נאך דעם געזאגט.

דער דאזיגער צווייפעל האט פערגיפטעט דיא פרעכטיגקייט פון איהר נייעם לעבען.

34.

שוין פאר דער ענדע פון דעם בעדער־קורס האט פירסט שטשערבאצקי, וועלכער איז נאך קארלסבאד געפאהרען קיין באדען און קיסינגען צו רוסישע בעקאנטע אנצונעהמען זיך מיט רוסישען גייסט, וויא ער האט געזאגט, אומגעקעהרט זיך צו זיינע.

דיא מיינונגען פון דעם פירסט און דער פירסטין וועגען דעם לעבען אין אויסלאנד זיינען געוועזן אקוראט פארקעהרטע איינער דעם אנדערן. דיא פירסטין

האָט איינגעפונען אז אַלעס איז שעהן און ניט קוקענדיג אויף איהר פעסטען שטאַנד אין דער רוסישער געזעלשאַפט, האָט זיא אין אויסלאַנד געסטאַרעט זיך צו זיין גאָר אזוי וויא אַן אייראָפּעאישע דאַמע, וואָס זיא איז ניט געווען — ווארום זיא איז געווען א רוסישע פּריצתה — און דארום האָט זיא זיך פאַרשטעלט, וואָס עס איז פאַר איהר אָפּט געווען זעהר אונבעקוועם. דער פירסט האָט אָבער פאַרקעהרט געפונען, אַז אַלעס וואָס אין אויסלאַנד טויג ניט, דאָס אייראָפּעאישע לעבען איז פאַר איהם געווען אַ לאַסט; ער האָט זיך דארום געהאַלטען פאַר זיינע רוסישע געוועהנהייטען און האָט מיט א כיון געזוכט צו ווייזען זיך אין אויסלאַנד פאַר אַ וויניגערן אייראָפּעער איידער ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט.

דער פירסט האָט זיך צוריקגעקעהרט אַן אויסגעמאַטערטער, אָבער פרעהלאַך און מונטער אויפגעלייגט. זיין פרעהליכע שטימונג איז נאָך שטאַרקער געוואָרען, ווען ער האָט געפונען קיטי אַ פאָלשטענדיג ערהאָלטע. דיא נאַכריכט אַז קיטי האָט זיך בעפריינדעט מיט מאַדאַם שטאַהל און מיט ווארענקא און אַז אין קיטי איז איבער דעם פאָרגעקומען אַן ענדערונג האָבען אַביסעל צומישט דעם פירסט און האָבען ערוועקט אין איהם דעם געוועהנליכען געפיהל פון אייפערזוכט צו אַלעס, וואָס האָט אָבגעצויגען זיין טאָכטער פון זיין איינפלוס. אָבער דיא דאָזיגע אונאַנגענעהמע נאַכריכטען, וועלכע דיא פירסטין האָט איהם דערצעהלט זיינען פערטרונקען געוואָרען אין דעם ים פון פרעהליכקייט און גוטהערציגקייט, וועלכע זיינען אין איהם אַלע מאָל געווען און זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרען אין דיא קאַרלסבאַדישע בעדער.

אויף דעם צווייטען טאָג נאָך זיין קומען איז דער פירסט אין זיין לאַנגען מאַנטעל מיט זיינע רוסישע אויסגעסטאַרטשעטע באַקען, אונטערגעשפּאַרטע מיט אַן אָנגעקראַכמאַלעטען קראַגען, אוועק מיט זיין טאָכטער צו דיא בעדער. עס איז געווען אַ שעהנער אין־דער־פריה: ריינע, פרעהליכע הייזלעך מיט גערטענדלעך; רויט־פּנים׳דיגע און רויט־הענדיגע, מיט ביער אָנגעגאָסענע דייטשע דיענסטען, וועלכע האָבען לוסטיג געאַרבייט און דיא ליכטיגע זונן האָבען געפרעהט דאָס האַרץ; אָבער וואָס נעהנטער זיי זיינען צוגעקומען צו דיא בעדער, אַלץ אָפטער האָבען זיי געטראָפען קראַנקע אויפ׳ן וועג, וועלכע האָבען אויסגעזעהען נאָך טרויעריגער צווישען דיא געוועהנליכע אומשטענדען פון דעם גוט־געאָרדענטען דייטשען לעבען. קיטי איז שוין ניט איבערראַשט געוואָרען פון דיא דאָזיגע געגנזעצע. דיא ליכטיגע זונן, דער פרעהליכער גלאַנץ פון גרינס, דער קלאַנג פון מוזיק זיינען פאַר איהר געווען אַ נאַטירליכע רעהמעל פאַר דיא דאָזיגע בעקאַנטע פּנים׳ער און דיא ענדערונג אין זיי צו ערגער אָדער צו בעסער. אָבער פאַר דעם פירסט איז דער גלאַנץ פון דעם יוני־פריהמאָרגען און דיא קלאַנגען פון ארקעסטער, וועלכער האָט געשפּיעלט אַ מאָדנעם, פרעהליכען וואַלס און בעזאָנדערנס דער אַנבליק פון געזונדע דיענסטען האָבען אויסגעזעהען עפּעס אונפּאַסיג, אונאַנשטענדיג אין פעראייניגונג מיט דיא דאָזיגע, קוים בעוועגליכע, האַלב־טויטע, וועלכע זיינען זיך אַהער צונויפגעפאָהרען פון אַלע עקען פון איירָאפּאַ.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט זיך געפיהלט שטאָלץ און עפּעס וויא דיא יוגענד־קראַפט וואָלט זיך צו איהם צוריק־געקעהרט, איז איהם עפּעס געוואָ־

רען אונבעקוועם און ער איז געווען ווי'א אין א פערלעגענהייט, ווען זיין יונגע טאָכטער איז געגאנגען מיט איהם געארעמט; ער האָט עפּעס געפיהלט געוויכסענביסע פאר זיין קרעפּטיגען גאנג, פאר זיינע גרויסע, מיט פעטס בעגאָסענע גליעדער. ער האָט געפיהלט וויא א מענש, וועלכער זאָל זיך געפינען א נאקעטער אין א געזעלשאפט.

— שטעל מיך פאָר, שטעל מיך פאָר פאר דיינע נייע פריינד — האָט ער געזאָגט צו דער טאָכטער, דריקענדיג מיט זיין עלענבויגען איהר האנד — איך האָב ליעב בעקומען דעם דאָזיגען עקעלהאפטען סדום דיינעם דערפאר וואָס ער האָט דיך געזונד געמאכט. אָבער עפּעס טרויעריג, אומעטיג איז דאָ ביי אייך. ווער איז דער?

קיטי האָט איהם אָנגערופען מיט דיא נעמען יענע בעקאנטע און אונבעקאנטע פּערזאָנען, וועלכע זיי האָבען בעגעגענט. ביים רעכטען אריינגאנג אין פּארק האָבען זיי בעגעגענט דיא בלינדע מאדאם בערטהע מיט דער בעגלייטערין, און דער פירסט האָט זיך געפרעהט מיט דעם מילדען אויסדרוק אויפ'ן פּנים פון דער אלטער פראנצויזקע, ווען זיא האָט דערהערט קיטיס שטימע. זיא האָט באלד מיט דעם איבערפלוס פון פראנצויזישער העפליכקייט צורעדט זיך מיט איהם, לויבענדיג איהם פאר וואָס ביי איהם איז אזא פראכטפולע טאָכטער, און זיא האָט איהר אין דיא אויגען אויפגעהויבען זיא ביז'ן הימעל, רופענדיג זיא אָן אוצר, א פּערעל און א טרויסט־ענגעל.

— נו, הייסט עס, אז זיא איז ענגעל נומער 2, ווארום ענגעל נומער 1 איז מאדמאזעל ווארענקא, זאָגט זיא — האָט געשמייכעלט דער פירכט.

— אָה, מאדמאזעל ווארענקא — א, זיא איז א ווירקליכער ענגעל — האָט אונטערגעכאפּט מאדאם בערטהע.

אין דער גאלערעע האָבען זיי געטראָפען ווארענקאן אליין. זיא איז האסטיג נעגאנגען זיי אנטגעגען, טראָגענדיג אן עלעגאנטע רויטע בייטעל.

— נו, אָט איז אויך מיין פּאפּא געקומען צופאָהרען! — האָט איהר געזאָגט קיטי.

ווארענקא האָט, וויא איהר שטייגער איז געווען, געמאכט א בעוועגונג איינפאך, וואָס עס האָט אויסגעזעהען עפּעס א מיטען צווישען א פערנייגונג און א קניקס און האָט גלייך אָנגעהויבען ריידען מיט דעם פירסט, וויא זיא האָט גערעדט מיט אלעמען, איינפאך, נאטירליך.

— געוויס, איך קען אייך, איך קען אייך זעהר גוט — האָט איהר געזאָגט דער פירסט מיט א שמייכעל, פון וועלכען קיטי האָט מיט פרייד דערקענט, אז איהר פריינד געפעלט דעם פאטער — וואָהין זשע איילט איהר זיך דאָס אזוי?

— מאמא איז דאָ — האָט זיא געזאָגט ווענדענדיג זיך צו קיטי — זיא האָט דיא גאנצע נאכט ניט געשלאָפען, און דער דאָקטאָר האָט איהר פעראָרדענט צו פערברייינגען אין דרויסען. איך טראָג דאָס איהר ארבייט.

— איז דאָס דער ענגעל נומער 1 — האָט געזאָגט דער פירסט, ווען ווארענקא איז אוועק.

קיטי האָט געזעהען, אז איהם ווילט זיך זעהר מאכען אביסעל שפּאס

אויף ווארענקא'ס רעכענונג, אָבער אַז ער האָט דאָס ניט געקאָנט טהאָן, ווייל ווארענקא איז איהם געפעלען געוואָרען.

— נו, וועלען מיר אַזוי זעהען באַלד אַלע דיינע פריינד — האָט ער געזאָגט ווייטער — אויך מאַדאַם שטאהל, אויב זיא וועט מיר אָנטהאָן דיא עהרע צו דערקענען מיך.

— קענסט דוא זיא דען, פּאַפּאַ? — האָט קיטי אַ פרעג געטהאָן מיט פּחד, באַמערקענדיג דעם אָבלאַכענדען פייער, וועלכער האָט זיך אָנגעצונדען אין דיא אויגען פון דעם פירכט, ווען ער האָט דערמאָהנט דיא מאַדאַם שטאהל.

— איך האָב געקענט איהר מאַן, און איהר אַליין האָב איך אַביסעל געקענט נאָך פריהער, איידער זיא האָט זיך פערשריבען פאַר אַ פּיעטיסטין.

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַ פּיעטיסטין, פּאַפּאַ? — האָט אַ פרעג געטהאָן קיטי, וועלכע האָט זיך שוין דערשראָקען דערפון אַליין וואָס דאָס, וואָס זיא האָט אַזוי הויך געשעצט אין מאַדאַם שטאהל, האָט אַ נאָמען.

— דאָס ווייס איך אַליין ניט גענוי. איך ווייס בלויז, אַז זיא דאַנקט גאָט פאַר אַלעס, פאַר יעדען אונגליק... אַפילו פאַר דאָס, וואָס ביי איהר איז דער מאַן געשטאָרבען דאַנקט זיא אויך גאָט. נו, קומט דאָס אויס לעכערליך, ווארום צווישען זיי איז געוועזן זעהר אַ שלעכט לעבען... און ווער איז דאָס? וואָס פאַר אַן אונגליקליכער פּנים! — האָט ער אַ פרעג געטהאָן באַמערקענדיג דעם קראַנקען מיט הויכען מאַן אין אַ ברוינעם מאַנטעל מיט ווייסע הויזען, וועלכע האָבען זיך זאָנדערבאַר געקנייטשט אויף דיא ביינער פון זיינע פיס, אויף וועלכע עס איז קיין פלייש ניט געוועזן.

דער דאָזיגער הערר האָט אַ הויב געטהאָן זיין שטרוי־הוט פון דיא שיטערע קרייזע האָר וואָס האָט צועפּענט זיין הויכען שטערן, וועלכער איז קראַנקליך־רויט געוואָרען פון דעם הוט.

— דאָס איז פּעטראָוו, אַ מאַהלער — האָט געענטפערט קיטי רויט ווערענדיג — און דאָס איז זיין פרוי, — האָט זיא געזאָגט אָנווייזענדיג אויף אננא פּאַוולאָוונאַ, וועלכע איז וויא מיט אַ כיוון אַקוראַט אין דער צייט וואָס זיי זיינען אינטערגעקומען, געגאַנגען אַ נעהם טהאָן דאָס קינד, וואָס איז געלאָפען איבער'ן וועג.

— וואָס פאַר אַ רחמנות אויף איהם, און וואָס פאַר אַ ליעבליכער פּנים ביי איהם איז! — האָט געזאָגט דער פירסט — פאַר וואָס זשע ביסט דוא ניט צוגעגאַנגען? ער האָט דיר דוכט זיך עפּעס געוואָלט זאָגען.

— נו, לאָמיר צוגעהן! — האָט געזאָגט קיטי, אַ קעהר טהאָנדיג זיך מיט גענטשלאָסענהייט — וויא פיהלט איהר היינט? — האָט זיא אַ פרעג געטהאָן פּעטראָוו'ן.

ער האָט זיך אויפגעהויבען אָנשפּאַרענדיג זיך אויפ'ן שטעקען און האָט שעהמעוודיג אַ קוק געטהאָן אויפ'ן פירסט.

— דאָס איז מיין טאָכטער — האָט געזאָגט דער פירסט — ערלויבט מיר מיט איך בעקאַנט צו ווערען.

# אננא קארענינא

דער מאַהלער האָט זיך פערנייגט און אַ שמייכעל געטהאָן, עפּענענדיג זיינע זאָנדערבאַרע גלענצענדע ווייסע צייהנער.

— מיר האָבען אויף אייך נעכטען געוואַרט, פירסטין — האָט ער געזאָגט צו קיטי׳ן.

ער האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן זאָגענדיג דאָס, און ווידערהאָלענדיג דיא דאָזיגע בעוועגונג, האָט ער דערמיט געוואָלט ווייזען, אַז דאָס האָט ער כלומרשט געוואָלט אַזוי אַ שאָקעל טהאָן זיך.

— איך האָב געוואָלט קומען, אָבער ווארענקא האָט געזאָגט, אַז אננא פּאַוולאָווא האָט געשיקט זאָגען, אַז איהר וועט ניט פאָהרען.

— וואָס הייסט מיר וועלען ניט פאָהרען! — האָט געזאָגט פּעטראָוו, איז רויט געוואָרען און האָט זיך צוהוסט, זוכענדיג מיט דיא אויגען זיין פרוי — אַנעטאַ! אַנעטאַ! — האָט ער גערופען הויך און אויף זיין דינעם, ווייסען נאַקען האָבען זיך, וויא שטריק, אָנגעצויגען דיא דיקע אָדערן.

אננאַ פּאַוולאָוונאַ איז צוגעקומען.

— וויא־זשע האָבט דוא דאָס געשיקט זאָגען דער פירסטין, אַז מיר וועלען ניט פאָהרען? — האָט ער געשעפּצעט אָן אויפגערעגטער, פערלירענדיג זיין שטימע.

— גוט מאָרגען, פירסטין — האָט געזאָגט אננאַ פּאַוולאָוונאַ מיט אַ פערשטעלטען שמייכעל, וועלכער איז גאָר ניט געווען ענליך צו איהרע פריהערדיגע בענעהמונגען — זעהר אָנגענעהם בעקאַנט צו ווערען — האָט זיא זיך אַ קעהר געטהאָן צום פירסט — מען האָט אויף אייך לאַנג געוואַרט.

— וויא זשע האָסט דוא דאָס געשיקט זאָגען דער פירסטין, אַז מיר וועלען ניט פאָהרען? — האָט הייזעריג געשעפּצעט דער מאַהלער נאָך בייזער; קענטיג אַז וואָס שווערער עס איז איהם געווען צו געברויכען זיין שטימע אַלץ אויפגערעגטער איז ער געוואָרען.

— אַך, מיין גאָט, איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלען ניט פאָהרען — האָט מיט פערדרוס געענטפערט זיין פרוי.

— וואָס הייסט... — האָט ער זיך צוהוסט און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

דער פירסט האָט אַ רויב געטהאָן זיין הוט און איז מיט זיין טאָכטער אַוועק.

— אַ־אַך! — האָט ער שווער אַ זיפץ געטהאָן — אַ־אַך, אונגליקליכע.

— יאַ, פּאַפּאַ — האָט געענטפערט קיטי — אָבער מען דאַרף נאָך וויסען, אַז ביי זיי זיינען דריי קינדער, קיין דיענערשאַפט און כמעט קיינע מיטלען. ער בעקומט עפּעס פון אַקאַדעמיע — האָט זיא לעבהאַפט דערצעהלט דעם פאַטער, וועלענדיג דערמיט פערטויבען דיא אויפרעגונג, וואָס האָט זיך ערוועקט אין איהר איבער דער זאָנדערבאַרער ענדערונג אין דער האַלטונג פון אננא פּאַוולאָוונאַ צו איהר.

— און אָט איז מאַדאַם שטאַהל — האָט געזאָגט קיטי, אָנווייזענדיג אויף דעם וועגעל, אין וועלכען אָן ארומגערינגעלטע פון אַלע זייטען קישעלעך.

איינגעוויקעלט אין עפּעס גרויעס און בלויעס, אונטער אַ שירעם, איז עפּעס געלעגען. דאָס איז געווען דיא מאַדאַם שטאַהל.

הינטער איהר איז געשטאַנען אַ געזונדער דייטשער ארבייטער, וועלכער האָט דעם וועגעל געפיהרט. לעבען וועגעל איז געשטאַנען אַ בלאָנדער שוועדישער גראַף, וועלכען קיטי האָט געקענט בלויז מיט'ן נאָמען. איניגע קראַנקע האָבען אָנגעהויבען געהן נאָך לאַנגזאַמער נאָהענט פון וועגעלע, קוקענדיג אויף דער דאָזיגער דאַמע, וויא אויף עפּעס אונגעוויינליכעס.

דער פּירכט איז צו איהר צוגעגאַנגען און קיטי האָט גלייך בעמערקט אין זיינע אויגען דעם פייערל פון חוזק מאַכען, וואָס האָט זיא געשטעלט אין אַ פערלעגענהייט. ער איז צוגעגאַנגען צו מאַדאַם שטאַהל און האָט אָנגעהויבען רעדען מיט אַ פּרעכטיגען פראַנצויזיש בעזונדער העפליך און מילד:

— איך וויים ניט צו וועט איהר זיך דערמאָנען אויף מיר, אָבער איך דאַרף ערמאַינערן וועגען זיך אום צו דאַנקען אייך פאַר אייער גוטהערציגקייט צו מיין טאָכטער — האָט ער איהר געזאָגט אַראָבנעהמענדיג דעם הוט און אָנטהאַנדיג איהם צוריק.

— פירסט אַלעקסאַנדער שטשערבאַצקי — האָט געזאָגט מאַדאַם שטאַהל אויפהויבענדיג צו איהם איהרע הימעלשע אויגען, אין וועלכע קיטי האָט באַמערקט אונצופריעדענהייט — זעהר גערן. איך האָב אַזוי ליעב בעקומען אייער טאָכטער.

— איז אייער געזונד נאָך אַלץ שוואַך?

— יאַ, איך בין שוין געוועהנט געוואָרען — האָט געזאָגט מאַדאַם שטאַהל און האָט בעקאַנט געמאַכט דעם פירסט מיט דעם שוועדישען גראַף.

— און איהר האָט זיך זעהר ווייניג געענדערט — האָט איהר געזאָגט דער פירסט — איך האָב ניט געהאַט דיא עהרע אייך צו זעהען שוין צעהן אָדער עלף יאָהר.

— יאַ, גאָט גיט דעם קרייץ און גיט כחות איהם צו טראָגען. אָפט וואונדערסטו זיך, צו וואָס ציהט זיך אַזוי דאָס לעבען?... פון יענער זייט — האָט זיא זיך פערדרוסליך אַ ווענד געטהאָן צו ווארענקא, וועלכע האָט ניט אַזוי גוט פערוויקעלט איהרע פיס מיט'ן פלעד.

— וואַהרשיינליך אום צו טהאָן גוטעס — האָט געזאָגט דער פירסט, לאַכענדיג מיט דיא אויגען.

— דאָס איז ניט פאַר אונז צו אורטהיילען — האָט געזאָגט מאַדאַם שטאַהל באַמערקענדיג דעם אויסדרוק פון פירסט'ס פּנים — וועט איהר מיר צושיקען דעם בוך, ליעבער גראַף? איך דאַנק אייך זעהר — האָט זיא זיך געווענדעט צו דעם יונגען שווייד.

— אַ! — האָט אַ געשריי געטהאָן דער פירסט דערזעהענדיג דעם מאָסקווער פאָלקאָווניק, וועלכער איז געשטאַנען נאָהענט, און פערנייגענדיג זיך פאַר דער מאַדאַם שטאַהל, איז ער מיט דער טאָכטער אָבגעגאַנגען און אַוועק מיט דעם פאָלקאָווניק, וועלכער איז צוגעשטאַנען צו זיי.

— דאָס איז אונזער אַריסטאָקראַטיע, פירסט — האָט געזאָגט דער

# אננא קארענינא

מאָסקווער פּאַלקאָווניק וועלענדיג זיין שפּאַסהאַפט. ער איז געווען ברוגז אויף מאַדאַם שטאַהל פאַר וואָס זיא האָט מיט איהם ניט געשלאָסען קיין בעקאַנטשאַפט.

— זיא איז אַלץ דיזעלביגע.

— האָט איהר זיא דען געקענט נאָך איידער זיא איז קראַנק געוואָרען?

— יאָ, איך געדיינק וויא זיא איז קראַנק געוואָרען.

— מען זאָגט, אַז שוין אַ יאָהר צעהן וויא זיא געהט פון בעט ניט ארונטער . . .

— געהט ניט ארונטער, ווייל זיא איז אַ קורץ־פיסעל. זיא האָט זעהר אַ שלעכטע פיגור . . .

— פּאַפּאַ, דאָס קאָן ניט זיין! — האָט אַ געשריי געטהאָן קיטי.

— שלעכטע צינגער זאָגען אזוי, מיין ליעבענקע. און דיין ווארענקא, האָט מאַקע נעביך געגוג — האָט ער צוגעלייגט — אָ, דיא קראַנקע פּריצטעס!

— אָ, ניין, פּאַפּאַ! — האָט היציג געהאַמפּערט זיך קיטי — ווארענקא פארגעטערט זיא, און דערצו טהוט זיא אזוי פיעל גוטעס, איז אזוי וואָהלטהעטיג! פרעגט ווען איהר ווילט! זיא און אַלינע שטאַהל קאָנען אַלע.

— עס קאָן זיין — האָט ער געזאָגט, דריקענדיג מיט'ן עלענבויגען איהר האַנד — עס איז אָבער דאָך בעסער ווען מען טהוט אזוי, וואָס ביי ווען מען זאָל ניט פרעגען וויים קיינער ניט.

קיטי איז אנשוויגען געוואָרען, ניט דערפאַר ווייל זיא האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגען, נור זיא האָט איהרע געהיימע געדאַנקען ניט געוואָלט אויפדעקען אפילו פאַר'ן פאַטער. פון דעסטוועגען — אַ מערקווירדיגע זאַך — ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיא האָט זיך אזוי פערנומען ניט בעאיינפלוסט צו זיין פון דעם פאַטערס אנזיכטען, ניט לאָזען איהם אריינצוטרעטען אין איהר קדשי־קדשים, האָט זיא דאָך דערפיהלט אז יענע געטליכע געשטאַלט פון מאַדאַם שטאַהל, וועלכע זיא האָט געטראָגען שוין צייט אַ מאָנאַט אין איהר הארצען, איז אויף אימער פערשוואונדען, אַלץ איינס וויא אַ פיגור, וועלכע איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון אַ קלייד, ווערט פערשוואונדען, ווען מען פארשטעהט וויא דאָס דאָזיגע קלייד ליגט.

אין איהר פאָרשטעלונג איז געבליבען בלויז אַ קורץ־פיסעלדיגע פרוי, וועלכע ליגט דערפאַר, וואָס זיא האָט אַ צוקרימטע פיגור און זיא מאַטערט דיא אָרימע ווארענקא פאַר וואָס זיא האָט ניט אזוי גוט איינגעוויקעלט איהרע פיס מיט'ן פּלעד. און מיט קיין קראַפט פון איהר פאַנטאַזיע האָט זיא שוין ניט געקאָנט ארויסברייינגען צוריק אין איהר פאָרשטעלונג דיא פריהעריגע געשטאַלט פון מאַדאַם שטאַהל.

## 35.

דעם פירסט׳ס מונטערקייט האט געווירקט אויך אויף אלע הויזיגע און בעקאנטע און אפילו אויף דעם דייטשען ווירטה, אין וועמעס הויז דיא שטשערבאצקיס האבען געוואהנט.

צוריקקעהרענדיג זיך פון דיא בעדער און איינלאדענדיג צו קאפפע דעם פאלקאווניק, מאריא יעווגעניעוונא און ווארענקא, האט דער פירסט געהייסען ארויסטראגען דעם טישעל און דיא שטוהלען אין גערטענדעל, אונטער דעם קאשטאניען בוים און דארט צוגרייטען צום פריהשטיק. דער ווירטה און דיא דיענערשאפט זיינען לעבעדיגער און מונטערער געווארען אונטער דער ווירקונג פון דעם פירסט׳ס פרעהליכקייט. זיי האבען געוואוסט, אז ער האט א ברייטע האנד, און אין א האלבע שטונדע ארום האט שוין דער קראנקער האמבורגער דאקטאר, וועלכער האט געוואהנט אויבען אין זעלבען הויז מיט בעניידונג געקוקט אין פענסטער אויף דער לוסטיגער רוסישער געזעלשאפט פון געזונדע מענשען, וועלכע האבען זיך פרזאמעלט אונטער דעם קאשטאניען בוים.

אונטער דיא ציטערנדע שאטענס פון דיא בלעטער, ביים געדעקטען טיש מיט א ווייסען טישטוך, אויף וועלכען עס זיינען געוועזן אנגעשטעלט קאפפע, ברויט, פוטער, קעז, קאלטע עוף, זיינען געזעסען דיא געסט און דיא פירסטין אין א לייכטען קלייד מיט לילאווע בענדער האט פונאנדערגעשטעלט דיא טאסען און דיא צובייסען.

ביי דעם צווייטען עק פון טיש איז געזעסען דער פירסט, עסענדיג געשמאק און ריידענדיג הויך און פרעהלאך. דער פירסט האט לעבען זיך צולייגט זיינע איינגעקויפטע פעקלאך: געשניצטע קעסטעלעך, פאפיער־שניידער פון אלערליי סארטען, וועלכע ער האט אנגעקויפט גאנצע הויפענס אין דיא בעדער און פלעגט זיי צושיינקען אלעמען, אפילו דער דיענסט ליזכען און דעם ווירטה פון הויז, מיט וועלכען ער פלעגט טרייבען קאטאוועס מיט זיין שלעכטע דייטשע שפראך, פערזיכערענדיג איהם, אז ניט דיא בעדער האבען דאס אויסגעהיילט קיטי, נור זיינע גוטע מאכלים, בעזאנדערס זיין זופ מיט דיא שווארצע פלוימען.

דיא פירסטין האט געמאכט שפאס פון איהר מאן פאר זיינע רוסישע געוואהנהייטען, זיא איז אבער געוועזען אין אזא געהויבענער שטימונג און אזוי לעבעדיג, וויא זיא איז נאך ניט געוועזען פאר דער גאנצער צייט, וואס זיי זיינען געוועזען אין אויסלאנד. דער פאלקאווניק האט געשמייכעלט אויף דעם פירסט׳ס וויצען, וויא אימער; אבער וועגען אייראפא, וועלכע ער האט גענוי דורכגעפארשט, וויא ער האט געמיינט, איז ער געוועזען אויף דער זייט פון דער פירסטין. דיא גוטמוטהיגע מאריא יעווגעניעוונא האט זיך געקייקעלט פאר געלעכטער פון אלעם קאמישעס, וואס דער פירסט האט געזאגט, און ווארענקא איז גאר צוקראכען געווארען פון׳ם געלעכטער, וואס דעם פירסט׳ס וויצען האבען אין איהר ערוועקט, אבוואהל זיא האט שוואך געלאכט, אבער קיטי האט דאס

נאָך פריהער פון איהר קיין מאָהל ניט געזעהען.

דאָס אַלעס האָט קיטין אַמוזירט, אָבער דאָך האָט זיא ניט געקענט ניט זיין פערזאָרגט. זיא האָט ניט געקענט לייזען דיא פּראָבלעמע, וואָס דער פאָטער האָט איהר ניט וועלענדיג פאָרגעבען מיט זיין לוסטיגען בליק אויף איהרע פריינד און אויף יענעם לעבען, וועלכען זיא האָט אַזוי ליעב בעקומען. צו דער דאָזיגער פּראָבלעמע איז נאָך צוגעקומען דיא ענדערונג אין איהר בעציהונג צו פּעטראָווען, וואָס עס האָט זיך היינט ארויסגעוויזען אויף אַן אוני אַנגענעהמען אופן. אַלעמען איז געווען פרעהלאַך, אָבער קיטי האָט ניט געקענט זיין פרעהלאַך און דאָס האָט נאָך מעהר זיא געמאַטערט. זיא האָט געפיהלט עפּעס אַזעלכעס וויא דאָס וואָס זיא האָט געפיהלט אין איהר קינדהייט ווען זיא איז בעשטראָפט געוואָרען דערמיט, וואָס מען האָט זיא פערשפּאַרט אין איהר צימער און געהערט דעם פרעהליכען געלעכטער פון איהרע שוועסטער.

— נו, צי וואָס האָסט דוא אָנגעקויפט דעם דאָזיגען תהום? — האָט געפרעגט דיא פירסטין, שמייכלענדיג און דערלאַנגענדיג דעם פירסט אַ טאַסס קאַפּעע.

— געהסט אַוועק שפּאַציערען, נו געהסט דוא אונטער צו אַ קלייטעל. בעט מען קויפען: „ערלויבט, דורכלויכט, עקסעלענץ" — נו וויא מען זאָגט שוין „דורכלויכט" קאַן איך שוין אַנדערש ניט: צעהן טאַלער קאַפּוט.

— דאָס איז אַלץ בלויז אויס לאַנגוויילינקייט — זאָגט דיא פירסטין.

— געוויס, פון לאַנגוויילינקייט. אַזוי לאַנגווייליג, מאַמעלע, אַז מען ווייס ניט וואוהין אַהינצוטהאָן זיך.

— וויא קאָן דאָ לאַנגווייליג זיין, פירסט? אין דייטשלאַנד איז איצט פאַראַן אַזוי פיעל אינטערעסאַנטעס — האָט געזאָגט מאַריא יעווגעניעוונא.

— איך ווייס דאָך אַלעס אינטערעסאַנטעס שוין: זופּ מיט שוואַרץ־פלוימען, ערבעס־וואורשט, איך קען דאָס אַלעס.

— ניין, אָבער וויא איהר ווילט, פירסט, עס זיינען אינטערעסאַנט זייערע איינריכטונגען — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק.

— וואָס איז דאָרט אַזוי אינטערעסאַנט? זיי זיינען אַלע צופריעדען, וויא קופערנע גראָשענס; האָבען אַלעמען בעזיעגט. אָבער איך, פאַר וואָס זאָל איך דערפון צופריעדען זיין? איך האָב קיינעם ניט בעזיעגט, נור דיא שטיוועל זיי מוחל אליין אראָבצונעהמען און שטעל זיי נאָך אליין אַוועק הינטערן טהיר. שטעהסט אויף אין דער פריה, מהו זיך באַלד אָן און געה אין סאַלאָן שלעכטען טהעע טרינקען. קאָנט איהר דאָך צוגלייכען צו דער היים! כאַפּסט זיך אויף ניט איילענדיג, ווערסט אויף עפּעס אין כעס, בייזערסט זיך אַביסעל אויף עפּעס, בעדענקסט זיך דערנאָך, בעטראַכסט אַלעס, איילסט זיך ניט.

— אָבער צייט איז געלד, דאָס פאַרגעסט איהר — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק.

— וועלכע צייט! עס איז פאַראַן אַמאָל אַ צייט, וואָס דוא ווערסט אַ גאַנצען מאָנאַט אַוועקגעבען פאַר אַ האַלבען־רובעלדיגען, און אַן אַנדערעס מאָהל

## אננא קארעני נא

וועסט דוא קיין האלבע שטונדע פאר קיין געלד ניט אבגעבען. איז דאס ניט אזוי, קאטענקא? וואס ביסט דוא עפעס אזא אומעטיגע ?

— איך, גארנישט.

— וואהין־זשע איילט איהר? זיצט נאך — האט ער זיך געווענדעט צו ווארענקא.

— איך דארף א היים — האט געזאגט ווארענקא אויפשטעהענדיג און האט זיך ווידער צוגאסען מיט א געלעכטער. ווען זיא איז געקומען צו זיך, האט זיא גענומען אבשיעד און איז אריין אין הויז נעהמען איהר היטעלע.

קיטי איז נעגאנגען נאך איהר. אפילו ווארענקא האט זיך איהר איצט פארגעשטעלט אין אן אנדער געשטאלט אלס דיא וויא זיא האט זיא פריהער געזעהען אין איהר פארשטעלונג.

— אך, איך האב שוין לאנג אזוי ניט געלאכט ! — האט געזאגט ווארענקא נעהמענדיג איהר שירעם און איהר בייטעל — וואס פאר א ליעבליכער ער איז, אייער פאפא !

קיטי האט געשוויגען.

— ווען זשע וועלען מיר זיך זעהען ? — האט ווארענקא געפרעגט.

— מאמא האט געוואלט אריינגעהן צו דיא פעטראווס. וועט איהר דארט נימ זיין ? — האט געזאגט קיטי, וועלענדיג אויספרובירען ווארענקא׳ן.

— איך וועל זיין — האט געענטפערט ווארענקא — זיי קלייבען זיך אוועקצופאהרען, האב איך זיי פערשפראכען צו העלפען איינצופאקען.

— נו, וועל איך אויך קומען.

— ניין, צו וואס זאלט איהר ?

— פאר וואס? פאר וואס? פאר וואס? — האט ברייט צועפענענדיג דיא אייגען אנגעהויבען ריידען קיטי, אננעהמענדיג ווארענקא׳ס שירעם אום ניט אוועקצולאזען זיא אזוי — ניין, ווארט, פארוואס ?

— אזוי, אייער פאפא איז געקומען צו פאהרען, און דערצו פיהלען זיי זיך עפעס אין פערלעגענהייט פאר אייך.

— ניין, איהר זאגט מיר פאר וואס ווילט איהר ניט איך זאל אפט בע־זוכען דיא פעטראווס ? — דאס ווילט א י ה ר דאך ניט. פאר וואס ?

— איך האב דאס ניט געזאגט — האט רוהיג געענטפערט ווארענקא.

— ניין, זאגט, זייט אזוי גוט !

— אלעס זאגען ? — האט געפרעגט ווארענקא.

— אלעס, אלעס ! — האט אונטערגעכאפט קיטי.

— יא, בעזאנדערעס איז דארט קיין זאך ניטא, וויא בלויז דאס וואס מיכאאיל אלעקסייעוויטש (אזוי האט מען גערופען דעם מאהלער) האט אנפאנגס געוואלט אוועקפאהרען פון דאנען פריהער, און איצט וויל ער ניט אוועקפאהרען — האט מיט א שמייכעל געזאגט ווארענקא.

— נו! נו! — האט קיטי געיאגט ווארענקא צו ריידען גיכער, טרויעריג קוקענדיג אויף איהר.

— נו, און אננא פאוולאוונא האט עפעס געזאגט דערביי, אז ער וויל

ניט אוועקפאָהרען פון דאַנען, ווייל איהר זייט דאָ. נאַטירליך איז דערפון ארויס־געקומען א האַמפּעריי, אין איהר ווייסט דאָך וויא דיא קראַנקע ווערען שנעל אויפגערעגט.

קיטי האָט געשוויגען, ווערענדיג אַלץ מעהר פערוואָלקענט, און ווארענקא אַליין האָט גערעדט, זוכענדיג ווייך צו זיין און בערוהיגען זיא און זעהענדיג אַז עפּעס וועט אויסברעכען, אָבער זיא האָט ניט געוואוסט וואָס, צו דאָס וועט זיין אַן אויסברוך פון טרעהרען אָדער פון ווערטער.

— איז שוין בעסער פאַר אייך אַז איהר זאָלט ניט געהן אַהין... און איהר פערשטעהט דאָך, איהר דאַרפט זיך ניט בעליידיגען . . .

— איך בין דאָס ווערטה, איך בין דאָס ווערטה ! — האָט שנעל אָנגעהויבען צו ריידען קיטי, כאַפּענדיג דעם שירעם פון ווארענקאַס האַנד און קוקענדיג פערביי דיא אויגען פון איהר פריינדין.

ווארענקא האָט געוואָלט אַ שמייכעל טהאָן, קוקענדיג אויף דעם קינדערשען כעס פון איהר פריינד, אָבער זיא האָט מורא געהאַט צו בעליידיגען זיא.

— וואָס הייסט איהר זייט דאָס ווערטה? איך פערשטעה ניט — האָט זיא געזאָגט.

— איך בין דאָס ווערטה דערפאַר ווייל דאָס איז אַלעס געווען געמאַכטעס, פערשטעלטעס, דערפאַר ווייל דאָס אַלעס איז געווען אויסגעטראַכטעס, און ניט פון האַרצען. וואָס געהט מיך אַן אַ פרעמדער מענש? און אַט קומט אַרויס, אַז איך בין דיא אורזאַכע פון אַ קריגעריי און אַז איך האָב געטהאָן דאָס, וואָס קיי־נער האָט מיך ניט געבעטען טהאָן. דערפאַר, ווייל דאָס אַלעס איז בלויז גע־מאַכטעס, פערשטעלטעס, פערשטעלטעס !. . .

— אָבער צוליעב וועלכען צוועק זאָל מען זיך דען פערשטעלען ? — האָט שטיל געזאָגט ווארענקא.

— אַך, וויא נאַריש, וויא עקעלהאַפט דאָס איז! וואָס האָב איך דאָס גע־דאַרפט... דאָס איז דאָך אַלץ פערשטעלט זיך ! — האָט זיא גערעדט עפענענדיג און פערמאַכענדיג דעם שירעם.

— אָבער צוליעב וועלכען צוועק ?

— כדי צו ווייזען זיך בעסער פאַר מענשען, פאַר זיך, פאַר גאָט ; כדי אַלעמען אָבצונאַרען. ניין, איצט וועל איך שוין מעהר פון אַזעלכע זאַכען ניט פערפיהרט ווערען! בעסער שוין צו זיין אַ שלעכטע, אָבער ניט צו זיין אַ פאַלשע, אַן אָבנאַרערקע !

— ווער זשע איז פאַלש? ווער נאַרט אָב ? — האָט מיט פאָרוואורף גע־זאָגט ווארענקא. — איהר רעדט עפּעס, אַזוי וויא אימיצער וואָלט . . .

אָבער קיטי איז געווען אין אַן אנפאַל פון כעס און זיא האָט איהר ניט געלאָזט ריידען.

— איך רייד ניט וועגען אייך, גאָר ניט וועגען אייך רייד איך. איהר זייט אַ פאָלקאָמעןהייט. יאָ, איך ווייס, אַז איהר זייט אַ פאָלקאָמענהייט; אָבער וואָס־זשע זאָל איך טהאָן, אַז איך בין אַ שלעכטע? דאָס וואָלט געוויס ניט גע־ווען, אויב אין מיר וואָלט ניט געווען עפּעס שלעכטעס. נו, וועל איך שוין בעסער

זיין אזא וויא איך בין, אָבער איך וועל זיך ניט פארשטעלען. וואָס גערזט מיך אָן אננא פאוולאָוונא! זאָלען זיי זיך לעבען וויא זיי ווינשען, און איך וועל זיך לעבען, וויא איך וויל. איך קאָן ניט זיין אנדערש וויא איך בין... און עס איז דאָך אלץ ניט דאָס, ניט דאָס! . . .

— וואָס זשע איז ניט דאָס ? — האָט אלץ געזוכט צו פארשטעהען וואַרענקא.

— אלעס, אלעס איז ניט דאָס. איך קאָן אנדערש ניט לעבען סיידען ווי מיין הארץ זאָגט מיר, און איהר לעבט לויט בעשטימטע רעגלען. איך האָב אייך ליעב בעקומען איינפאך, און איהר האָט מיך געוויס ליעב בעקומען צוליעב א צוועק אום מיך צו רעטען, מיך צו לערנען גוטעס צו טהאָן.

— איהר זייט אונגערעכט — האָט געזאָגט וואַרענקא.

— איך רייד דאָך אָבער גאָרנישט וועגען אנדערע; איך רייד וועגען זיך.

— קיטי ! — האָט זיך דערהערט דיא פירסטינס שטימע — קום אהער, ווייז דעם טאַטען וואָס דו האָסט געקויפט.

קיטי איז אריינגעקומען מיט א שמאָלצע געשטאלט, ניט האָבענדיג נאָך קיין צייט צו שליסען פריעדען מיט איהר פריינד.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס ביזטו אזוי רויט ? — האָבען פאטער און מוטער געפרעגט איהר ביידע מיט אמאָל.

— קיין זאך ניט — האָט זיא געענטפערט — איך קום גלייך אריין — און זיא איז גלייך ארויסגעלאָפען צוריק.

„זיא איז נאָך דאָ ! — האָט זיא גלייך א טראכט געטהאָן — וואָס זשע זאָל איך איהר זאָגען, מיין גאָט! וואָס האָב איך דאָ אָנגעטהאָן, וואָס האָב איך גערעדט! פאר וואָס האָב איך זיא בעליידיגט? וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס זאָל איך איהר זאָגען?" — האָט געטראכט קיטי און האָט זיך אָבגעשטעלט אין טהיר.

וואַרענקא איז געזעסען לעבען טיש אין היטעלע, מיט'ן שירעם אין האנד און האָט זיך צוגעקוקט צו דער פרוזשינקע פון הענטעל פון שירעם, וועלכע קיטי האָט צובראָכען. זיא האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— וואַרענקא, פערצייהעט מיר, פערצייהעט ! — האָט געמורמעלט קיטי, צוגעהענדיג צו איהר — איך געדיינק ניט וואָס איך האָב גערעדט. איך . . .

— איך האָב ווירקליך ניט געוואָלט אייך מאַכען קיין פערדרום — האָט געזאָגט וואַרענקא שמייכלענדיג.

שלום איז געשלאָסען געוואָרען. אָבער מיט דעם פאטער'ס אנקונפט, האָט זיך פאר קיטי'ן געענדערט יענע גאנצע וועלט, אין וועלכער זיא האָט געלעבט. זיא האָט ניט אָבגעצויגען זיך פון אלעס דאָס וואָס זיא האָט זיך דערוואוסט, אָבער האָט פערשטאַנען אז זיא נארט זיך אליין, דיינקענדיג, אז זיא קאָן זיין דאָס, וואָס זיא האָט געוואָלט ווערען.

זיא איז אזוי וויא געקומען צו זיך; זיא האָט דערפיהלט דיא גאנצע שווערקייט, וויא מען זאָל קאָנען ניט פארשטעלטערהייט און אָהן אויספיינען זיך. אָהן בעריהמעריי האַלטען זיך אויף יענער הויכקייט, אויף וועלכער זיא האָט זיך געוואָלט אויפהויבען; אויסער דעם האָט זיא דערפיהלט דיא גאנצע שווער-

# אננא קארענינא

הייט פון דעם לעבען, דיא גאנצע יסורים פון דער וועלט אין וועלכער זיא האט געלעבט: קראנקע, שטערבענדע; איהר האט אויסגעזעהען אלס א פייניגונג יענע אנשטריינגונגען, וועלכע זיא האט געמאכט איבער זיך, צו ליעבען דיזע יסורים און איהר האט זיך געוואלט איצט וואס שנעלער צו זיין אויף דער פרייער, פריי־שער לופט, זיין אין רוסלאנד, זיין אין יערגושאווא, וואו עס האט איצט געוואהנט איהר שוועסטער דאללי מיט דיא קינדער, וויא זיא האט געוואוסט פון איהרע בריעף.

אבער איהר ליעבע צו ווארענקא איז ניט שוואכער געווארען. ווען זיא האט זיך געזעגענט פאר איהר אוועקפאהר מיט ווארענקא האט זיא פון איהר געבעטען, אז זיא זאל זיי בעזוכען אין רוסלאנד.

— איך וועל קומען צופאהרען, ווען איהר וועט חתונה האבען — האט געזאגט ווארענקא.

— איך וועל קיין מאהל ניט חתונה האבען.

— נו, וועל איך קיין מאהל ניט קומען צופאהרען.

— אויב אזוי וועל איך בלויז צוליעב דעם חתונה האבען. אבער זעהט איהר זאלט געדיינקען אייער פערשפרעכען ! — האט געפאדערט קיטי.

וויא דער דאקטאר האט נביאות געזאגט, אזוי איז דאס טאקע געוועזן, קיטי האט זיך אומגעקעהרט פון אויסלאנד א היים אן אויסגעהיילטע. זיא איז ניט געוועזן אזוי זארגלאז און פרעהליך וויא אמאהל, אבער זיא איז געוועזן רוהיג. דיא מאסקווער צרות זיינען געבליבען בלויז אלס אן ערפינערונג.

(שלום צווייטען טהייל.)

# דריטער טהייל

.1

סערגיי איוואנאָוויטש קאָזנישאוו האָט געוואָלט אויסרוהען זיך פון גייסטיגער ארבייט און אנשטאט דעם וואָס ער זאָל פאָהרען קיין אויסלאנד, וויא געוועהנליך, איז ער ענדע מאי געקומען אין דאָרף צו זיין ברודער. לויט זיינע איבערצייגונגען איז דאָס בעסטע לעבען געוועזן דאָס דאָרפישע לעבען. ער איז איצט געקומען צום ברודער הנאה צו האָבען פון דעם דאָרפישען לעבען.

קאָנסטאַנטין לעווין איז געוועזן זעהר גערן, און בפרט אז אין דעם זומער האָט ער שוין זיין ברודער ניקאָלאַיען ניט ערוואַרט. אָבער, ניט קוקענדיג אויף זיין ליעבע און רעספעקט פאר סערגיי איוואנאָוויטש, האָט קאָנסטאַנטין לעווין געפיהלט זיך עפּעס אונבעקוועם אין דאָרף מיט'ן ברודער. איהם איז געוועזן אונאַנגענעהם צו זעהען דעם ברודערס בעציהונג צום דאָרף. פאר קאָנסטאַנטין לעווין איז דאָס דאָרף געוועזן זיין לעבענס־פּלאַטץ, ד. ה. דער פּלאַץ פון פריידען, פון ליידען, פון ארבייט; פאר סערגיי איוואנאָוויטש איז דאָס דאָרף געוועזן, פון איין זייט, אן אברוה פון ארבייט; פון דער צווייטער זייט — א ניצליכער געגענ־גיפט געגען פערדאָרבענהייט, וועלכען ער האָט איינגענומען מיט פערגעניגען און מיט דעם בעוואוסטזיין פון דיא נוצען.

פאר קאָנסטאַנטין לעווין איז דאָס דאָרף געוועזן גוט דערמיט, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א באָדען פאר ארבייט און אָהן ספק ניצליכע ארבייט; פאר סערגיי איוואנאָוויטש איז דאָס דאָרף געוועזן בעזונדער גוט דערמיט, וואָס דאָרט איז געוועזן מעגליך גאָרנישט צו טאָהן און מען האָט דאָרט גאָרנישט געדאַרפט טאָהן. אויסער דעם איז קאָנסטאַנטינען ניט געפעלען געוועזן סערגייס בעציהונג צום פאָלק. סערגיי איוואנאָוויטש האָט גע'טענה'עט, אז ער קען און אז ער ליעבט דאָס פאָלק, און האָט אָפט פערבראַכט מיט דיא פויערים, וואָס ער האָט געטאָהן מיט פעהיגקייט, ניט פארשטעלענדיג זיך און ניט ברעכענדיג זיך, און פון יעדער אַזאַ שמועס מיט דיא פויערים האָט ער ארויסגעטראָגען אלגעמיינע מיינונגען פאר דיא נוצען פון פאָלק און אלס בעוויין, אז ער קען דאָס פאָלק.

אַזאַ פערהאַלטונג צום פאָלק איז קאָנסטאַנטינען ניט געפעלען געוועזן. פאר איהם איז דאָס פאָלק געוועזן דער הויפּט אנטהייל־נעהמער אין דער אלגעמיינער ארבייט, און ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצער אכטונג און אפילו עפּעס בלוטליעבע צום פויער, וואָס ער האָט מסתמא איינגעזויגען, וויא ער אליין האָט געזאָגט, מיט'ן מילך פון זיין אם, פון דעסטוועגען פלעגט ער אויפגעבראכט ווערן געגען

דעם פאָלק פאַר זיין אָבגעלאָזענקייט, שיכרות און ליגענהאַפטיגקייט, הגם מאַנכע מאָהל פלעגט ער נתפעל ווערען פון דער קראַפט פון פאָלק, פון זיין אָרדענטליכקייט. ער פלעגט אויפגערעגט ווערן געגען פאָלק אלס אנטהייל־נעהמער צוזאַמען מיט איהם אין דער אַלגעמיינער ארבייט, ווען ער האָט געזעהען, אז פאַר דער אַלגעמיינער ארבייט זיינען נאָך נויטיג אזעלכע אייגענשאַפטען, וועלכע עס פעהלען דעם פויער.

ווען מען וואָלט ביי קאָנסטאַנטין לעווין א פרעג טאָהן צו האָט ער ליעב דאָס פאָלק, וואָלט ער ענטשיעדען ניט וויסען וויא צו ענטפערן דערויף. ער האָט אי געליעבט, אי ניט געליעבט דאָס פאָלק וויא מענשען אין אַלגעמיין. געוויס, אלס א גוטער מענש, האָט ער מעהר געליעבט מענשען אלס ניט געליעבט זיי, און דערום אזוי דאָס פאָלק. אָבער ליעבען אָדער ניט ליעבען דאָס פאָלק אלס עפּעס א בעזונדער זאַך, האָט ער ניט געקאָנט דערפאַר ווייל ער האָט ניט בלויז געלעבט מיט'ן פאָלק, ניט בלויז זיינע אינטערעסען געווען פערבונדען מיט'ן פאָלק, נור ער האָט זיך אליין גערעכענט אלס א טהייל פון פאָלק; ער האָט ניט געזעהען אין זיך און אין פאָלק וועלכע עס איז בעזונדערע אייגענשאַפטען, מעלות אָדער חסרונות און האָט ניט געקאָנט אוועקשטעלען דעם פאָלק אלס עפּעס אן אנדער זאַך פון איהם.

אויסערדעם, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט לאַנג געלעבט אין דיא נאָהענטסטע בעציהונגען צו דיא פויערים, אלס א גוט־בעזיצער, בעל־הבית און אלס „מיראָוואָי פּאָסרעדניק״ (פריעדענס־פערמיטלער) און הויפּטזעכליך אלס א בעל־עצה (דיא פויערים האָבען איהם געגלויבט און זיינען געגאַנגען א וויאָרסט פערציג עצות צו האַלטען זיך מיט איהם.) האָט ער דאָך ניט געהאַט קיין בעשטימטע מיינונג וועגען פאָלק. און אויף דער פראַגע: צו קען ער דאָס פאָלק? וואָלט איהם געווען אויך אזוי שווער צו ענטפערן, וויא אויף דער פראַגע: צו ליעבט ער דאָס פאָלק? זאָגען, אז ער קען דאָס פאָלק וואָלט בעדייטען דאָסזעלביגע וויא צו זאָגען, אז ער קען מענשען.

ער האָט שטענדיג בעאָבאַכטעט און האָט געזוכט צו קענען פערשיעדענע מינים מענשען און דעריין אויך מענשען־פויערים, וועלכע ער האָט גערעכענט פאַר גוטע, אינטערעסאַנטע מענשען און האָט אָהן אויפהער געמערקט אין זיי נייע כאַראַקטער־ציגע, האָט געביטען זיינע אַלטע מיינונגען וועגען זיי און האָט געפאַסט נייע. סערגיי איוואַנאָוויטש איז אָבער געווען פאַרקעהרט. פונקט אזוי וויא ער האָט געליעבט און געלויבט דאָס דאָרפישע לעבען אלס א היפּוך צו יענעם לעבען, וועלכען ער האָט ניט געליעבט, אזוי האָט ער דאָס פאָלק אויך געליעבט אלס געגענזאַץ צו יענעם קלאַס מענשען, וועלכען ער האָט ניט געליעבט. אין זיין מעטאָדישען קאָפּ האָבען זיך געבילדעט בעשטימטע פאָרמען פון פאָלקס לעבען, וועלכע זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען אָפּט פון'ם פאָלקס לעבען גופא. אָבער הויפּטזעכליך אלס א געגענזאַץ צו אנדערע קלאַסען. ער האָט קיין מאָהל ניט געענדערט זיינע מיינונגען וועגען פאָלק און זיינע מיטליידיגע בעציהונגען צום פאָלק.

אין דיא דיסקוסיאָנען וואָס עס זיינען געוועזען צווישען דיא ברידער, רייענדיג וועגען פאָלק און אין דער פערשיעדענהייט פון זייערע מיינונגען, האָט

סערגיי איוואַנאָוויטש אימער בעזיעגט דעם ברודער און נעמליך טאַקע דערמיט וואָס ביי איהם זיינען געווען בעשטימטע בעגריפע וועגען פאָלק, וועגען זיין כאַראַקטער, וועגען זיינע אייגענשאַפטען און זיין געשמאַק; ביי קאָנסטאַנטין לעווין זיינען אָבער קיין בעשטימטע און ניט־געענדערטע בעגריפע ניט געווען, אַזוי אַז אין דיא וויכוחים פלעגט סערגיי אָנווייזען קאָנסטאַנטינען אָפט וויא ער ווידערשפּרעכט זיך אַליין.

פאַר סערגיי איוואַנאָוויטש איז זיין יונגערער ברודער געווען אַ וואוילער יונג, מיט אַ האַרץ, גוט־געשטעלט, וויא ער פלעגט זיך אויסדריקען אויף פראַנצויזיש, אָבער מיט אַ שכל, וועלכער איז הגם שנעל, אָבער איז דאָך בעאיינפלוסט פון דיא איינדריקע פון דער מינוט און איז דאַרום פול מיט ווידערשפּריכע. מיט דער גנעדיגקייט פון אַן עלטערן ברודער האָט ער איהם מאַנכע מאָהל ערקלעהרט דיא בעדייטונג פון זאַכען; ער האָט אָבער ניט געקאָנט געפינען קיין פערגעניגען צו דיסקוטירען מיט איהם, וואַרום ער האָט איהם זעהר לייכט צוקלאַפּט.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט געקוקט אויף דעם ברודער וויא אויף אַ מענשען מיט אַ גרויסען שכל און מיט פיעל בילדונג, אַן איידעלער מענש אין דער העכסטער בעדייטונג פון דעם וואָרט און וועלכער איז בעגאַבט מיט דער פעהיגקייט טהעטיג צו זיין פאַר טובת הכלל. אָבער טיעף אין האַרצען, וואָס עלטער ער איז געוואָרען און וואָס נעהנטער ער האָט דערקענט זיין ברודער, אַלץ אָפטער און אָפטער איז איהם געקומען אויפ'ן זינען, אַז דיא דאָזיגע פעהיגקייט פון טהעטיגקייט פאַר טובת הכלל, וואָס איהם אַליין האָט געפעהלט, איז אפשר גאָר ניט קיין מעלה נור פאַרקעהרט אַ חסרון; ניט איהם פעהלען גוטע, עהרליכע, גרויסמוטהיגע פערלאַנגען און געשמאַקען, נור איהם פעהלען לעבענס־כחות, דאָס וואָס מען רופט אַ האַרץ; איהם פעהלט אפשר יענע שטרעבונג, וועלכע צווינגט אַ מענשען פון דיא פערשיעדענע לעבענס־וועגען אויסצוקלייבען איין וועג און ווינשען בלויז דעם דאָזיגען וועג.

וואָס מעהר ער האָט קענען געלערנט זיין ברודער אַלץ מעהר האָט ער באַמערקט, אַז דער ברודער און אַלע אַנדערע אַזעלכע טובת־הכלל'ניקעס זיינען ניט געקומען מיט זייער האַרצען צו דער דאָזיגער ליעבע פאַר טובת־הכלל, נור זיינען מיט'ן שכל געקומען צום שלוס, אַז עס איז אַ גוטע זאַך צו באַשעפטיגען זיך דערמיט, און בלויז איבער דעם האָבען זיי זיך בעשעפטיגט דערמיט. דעריין האָט לעווינען איבערצייגט דער אומשטאַנד, וואָס זיין ברודער האָט זיך גאָרניט גענומען צום האַרצען דיא פראַגען וועגען טובת הכלל און וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע, מעהר איידער שאַכשפּיעל אָדער אַ שאַ־פזיניג געבויטע נייע מאַשין.

אַ חוץ דעם איז לעווינען אונבעקוועם געווען צו לעבען מיט'ן ברודער אין דאָרף, דערפאַר ווייל זומער איז ער געווען זעהר פערנומען מיט דער ווירטהשאַפט און פאַר איהם איז דער לאַנגער זומערדיגער טאָג געווען צו קורץ, אַז ער זאָל קאָנען אויפטאָהן אַלעס, וואָס עס איז נויטיג געווען — און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט גערוהט. אָבער אָבוואָהל ער האָט איצט גערוהט, ד. ה. האָט זיך ניט באַשעפטיגט

מיט שרייבען זיינע ווערקע, איז ער אָבער דאָך אזוי געוועהנט געוועזן צו גייסטיגע טהעטיגקייט, אז ער האָט ליעב געהאט ארויסצוזאָגען זיינע געדאַנקען אין א שעהנער, געפּאסטער פאָרם און האָט געליעבט אז עמיצער זאָל איהם הערען. דער געוועהנליכער און נאַטירליכער צוהערער איז געוועזן זיין ברודער. און דארום, ניט קוקענדיג אויף דער איינפאכקייט פון זייערע בעציהונגען, איז קאָנסטאַנטינען אונבעקוועם געווען איבערצולאָזען איהם אליין. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט ליעב געהאט לייגען זיך אויפ'ן גראָז אונטער דער זונן און ליגען אזוי, בראָטענדיג זיך און פּלוידערן.

— דו וועסט ניט גלויבען — האָט ער געזאָגט דעם ברודער — וואָס פאַר א תענוג פאַר מיר איז דיא כאַכלאַצקע-פוילקייט. קיין איין געדאַנק אין קאָפּ; אזוי גלאַט, כאָטש קייקעל א קויל.

אָבער פאַר קאָנסטאַנטין לעווין איז געוועזן בעזונדער לאַנגווייליג צו זיצען און הערען איהם דערפאַר ווייל מען פיהרט מיסט פאַר מיסטיגען דיא פעלדער און מען וועט אָנלייגען אויף דיא וועגען גאָט וויים וויא, אויב ער זאָל ניט אכטונג געבען. און דיא שנייד-אייזענס און דיא אקערס וועלען זיי פערנאכלעסיגען צו פערשרויפען, און זיי וועלען אראָבפאלען, דערנאָך וועלען זיי זאָגען, אז דיא נייע-מאָדנע אקער-אייזענס זיינען אַן אויסגעטראכטע זאך, וויא קומט דאס צו דעם אַלטמאָדישען אקער, א. א. וו.

— גענוג שוין דיר ארומצוגעהען אין אזא היץ — פלעגט איהם זאָגען סערגיי איוואַנאָוויטש.

— ניין, נור אויף איין ווײַלינקע מוז איך נאָך ארייַנלויפען אין קאַנטאָר — האָט געזאָגט לעווין און פלעגט אוועקלויפען אין פעלד.

.2

אין דיא ערשטע טעג פון יוני האָט פּאסירט, אז דיא ניאַנקע און עקאָנאָמקע אגאַפיא מיכאַילאָוונא האָט אראָב געטראָגען אין קעלער א באַנקע מיט איינגעזאַלצענע שוועמלעך, האָט זיך א גליטש געטאָהן, איז געפאלען און האט זיך אויסגעלונקען דיא האַנד. עס איז געקומען צו פאָהרען דער יונגער, פּלאַפּלענדער דאָרף-דאָקטאָר, א סטודענט וועלכער האָט נור-וואס געענדיגט. ער האט בעקוקט דיא האַנד, האָט געזאָגט, אז זיא איז ניט אויסגעלונקען, האָט הנאה געהאט פון דער אונטערהאלטונג מיט דעם בעריהמטען סערגיי איוואַנאָוויטש קאָזנישאָוו און האָט איהם דערצעהלט אלע רכילות פון דעם בעצירק, וועלענדיג ארויסזאָגען זיין אויפגעקלעהרטען בליק אויף זאכען און האט זיך בעקלאָגט וויא דיא זעמסקע אַנגעלעגענהייטען זיינען אין א שלעכטער לאַגע.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט, האָט פונאַנדערגעפרעגט און אַן אויפגעוועקטער פון דעם נייעם צוהערער, האָט ער זיך צורעדט, האָט ארויסגעזאָגט עטליכע טרעפענדע באמערקונגען, וועלכע זיינען העפליך אָבגעשעצט געווארען פון דעם יונגען דאָקטאָר און ער איז ביי זיך לעבעדיגער און

מענשליכער געווארען, וויא ער פלעגט דאס אימער ווערען נאך א לעבעדיגען געשפרעך. נאך דעם דאָקטאָר'ס אַבפאָהר האָט ער געוואָלט פאָהרען מיט א ווענדע אויף'ן טייך פיש צו פאנגען. סערגיי איוואנאָוויטש האָט ליעב געהאט פיש צו כאפען און האט זאָגאר אזוי וויא שטאָלצירט דערמיט וואס ער קען ליעבען אזא נארישע באשעפטיגונג.

קאָנסטאנטין לעווין האָט געדארפט פאָהרען צו קוקען זיך צו דיא געאקערטע פעלדער און אויף דיא לאָנקעס. און ער האָט פארגעשלאָגען דעם ברודער, אז ער וועט איהם צופיהרען אין קאָבריאָלעט.

דאָס איז געווען אין יענער צייט פון יאָהר, ווען דיא גערעטעניס פון האַייאָהר האָט זיך שוין בעשטימט; ווען עס הויבט זיך שוין אָן דיא זאָרג פון זעען אויף קומענדען יאהר און ווען עס קומט שוין אָן דיא צייט פון שניט; ווען דער קאָרען האָט זיך אין גאנצען אויסגעזאנגט, און דאס גרוי־גרינע פעלד מיט דיא לייכטע, נאך ניט אָנגעגאָסענע זאנגען, כוואליעט זיך אויף'ן ווינד, ווען דאס גרינע האָבער־פעלד מיט דיא צוואוואָרפענע איבער זיי קוסטעס פון געלע גראָז איז ניט גלייך אויסגעהויבען איבער דיא פלעצער־ווייז צושפעטע זעאונג; ווען דיא פריהע ריקע צולאָזט זיך און פערדעקט דיא ערד; ווען די ריחות פון די אויסגעטריקענטע אָנגעשאָטענע הויפענס מיסט גיסען זיך צונויף מיט דיא האָניג־דיגע גראָזען און אין דיא נידריגע פעלדער, ערוואַרטענדיג דיא קאָסע, שטעהען אזוי וויא א צונאָסענער ים דיא ברעג־לאָנקעס מיט פלעצער־ווייז געשווארצטע הויפענס פון שטענגלעך פון אויסגעריסענעם שטשאַוועל.

דאָס איז געווען יענע צייט פון יאהר, ווען אין דער דאָרפישער ארבייט קומט אָן א קורצער איבערכאפען דעם אָטהעם בעפאָר דעם אָנפאנג פון תבואה־זאמלונג, וואס ווידערהאָלט זיך יעדען יאהר און וואס רופט ארויס אלע קרעפטען פון פאָלק. עס איז געווען זעהר א גרויס גערעטעניס און דיא טעג זיינען געווען הייסע, זומערדיגע מיט קורצע טהויאיגע נעכט.

דיא ברידער האָבען געדארפט דורכפאָהרען דורך'ן וואלד אום צו צוקומען צו דיא לאָנקעס. סערגיי איוואנאָוויטש האָט דיא גאנצע צייט הנאה געהאט פון דער שעהנהייט פון וואלד, וועלכער איז פערטויבט געווארען פון בלעטערדיגקייט, האָט אָנגעוויזען דעם ברודער דאס אויף דעם דונקעלען אלטען ליפּאָווען בוים פון שאטען־זייט, וועלכער איז געווען בונט פון געלע בלעטלעך און האט זיך געקליבען צוצובליהען זיך אויף דער עלטער, און דאס אויף דעם ברילאנטען גלאַנץ פון דיא יונגינקע הא־יאהריגע בוימער.

קאָסטאנטין לעווין האָט ניט געליעבט צו ריידען און צו הערען געשפּרעכען וועגען דער שעהנהייט פון דער נאטור. דיא ווערטער האָבען פאר איהם אראָבגענומען דיא שעהנהייט, וועלכע ער האָט געזעהען. ער האָט צוגעשאָקעלט דעם ברודער מיט'ן קאָפּ, אָבער האָט ניט ווילענדיג אָנגעהויבען טראַכטען גאָר וועגען וואָס אנדערעס. ווען זיי זיינען דורכגעפאָהרען דעם וואלד, איז לעווינס גאנצע אויפמערקזאמקייט פערשלונגען געווארען פון דאָס אויסזעהען פון'ם פעלד. איבער'ן פעלד זיינען געפאָהרען פיעל ארבייטס־פוהרען. לעווין האָט איבערגעצעהלט דיא פוהרען און איז געבליעבען צופריעדען דערמיט, וואָס אלעס וועט ארויסגעפיהרט ווערען וויא עס איז נויטיג. ער האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען שניט.

ער האָט תמיד געפיהלט עפּעס אַ בעזונדער געפיהל, וואָס עס האָט פערכאַפּט זיין הארץ ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען היי־שניט.

צופאָהרענדיג צום לאָנקע האָט לעווין אָבגעשטעלט דעם פערד.

אויף דיא געדיכטע אונטער־גראָז איז נאָך געבליבען דער מאָרגען־טהוי און סערגיי איוואנאָוויטש האָט געבעטען לעווינען צופיהרען איהם אין קאָבריאָלעט ביז'ן קוסט, וואו מען קען פאַנגען אָקונעס, כדי ער זאָל ניט פארנעצען דיא פיס געהענדיג איבער'ן פעלד. וויא קאָנסטאַנטינען האָט זיך ניט געוואָלט צודריקען זיינע גראָז פון דעסטוועגען איז ער אריינגעפאָהרען אין לאָנקע. און דיא הויכע גראָז האָט זיך געפלאָכטען ארום דיא רעדער און דיא פיס פון דיא פערד.

דער ברודער האָט זיך געזעצט אונטער אַ קוסט, צונעהמענדיג זיינע ווענדעס און לעווין האָט אָבגעפיהרט דעם פערד, האָט איהם צוגעבונדען און איז אריין אין דעם אונבעוועגליכען גרויסען גרוי־גרינעם ים פון לאָנקע. איבערגעהענדיג דיא לאָנקע אין דער קווער, איז קאָנסטאַנטין לעווין ארויסגעקומען אויפ'ן וועג און האָט בעגעגענט אַן אַלטען מאַן מיט אַ געשוואָלענע אויג, וועלכער האָט געטראָגען אַ שטאָג מיט ביענען.

— וואָס ? געפאַנגען, פאָמיטש ? — האָט ער אַ פרעג געטאָהן.

— וואו געפאַנגען, קאָנסטאַנטין מיטריטש ! איך וואָלט וועלען נור דיא איינענע איינהיטען.

— נו, וואָס וועסט דוא זאָגען, פאָמיטש — זאָל מען שניידען אָדער ווארטען ?

— וואָס דען ! וויא מיר מיינען, מעג מען נאָך ביז דעם פעטראָווסקען טאָג צוואווארטען. און איהר נעהמט דאָך אַראָב היי אַלעמאָל פריהער. נו, גאָט וועט העלפען, גראָזען זיינען גוטע האייאָהר. פאר דיא פיה וועט זיין אַ וואוילטאָג.

—און דער וועטער, וויא מיינסט דוא ?

— דאָס איז וויא גאָט וועט געבען. אפשר וועט אויך גוטער וועטער זיין.

לעווין איז צוגעגאַנגען צום ברודער.

עס האָט זיך קיין זאַך ניט געפאַנגען, אָבער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך ניט געלאַנגוויילט און איז געווען זעהר מונטער אויפגעלייגט. לעווין האָט געזעהען, אַז זייענדיג געררייצט פון זיין געשפּרעך מיט'ן דאָקטאָר, האָט זיך איהם געוואָלט שמועסען. לעווינען האָט זיך אָבער, פארקעהרט, געוואָלט גיכער אהיים, איינצואָרדנען וועגען אָנהויבען היי־שניידען צו מאָרגען און ענטשיידען, אויב מען זאָל שוין אָנהויבען אָדער נאָך וואַרטען.

— וואָס, מיר וועלען פאָהרען, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס איז דיא איילעניש ? לאָמיר נאָך זיצען אַ ווײַלע. וויא דוא ביסט אָבער אויסגעווייקט געוואָרען ! עס פאַנגט זיך אפילו גאָרנישט, אָבער דאָ איז גוט. יעדער געיעג איז גוט דערמיט, וואָס דוא האָסט דאָ צו טאָהן מיט דער נאַטור. וואָס פאַר אַ פּראַכט דאָס דאָזיגע שטאָלענע וואַסער איז ! — האָט ער געזאָגט — דיא דאָזיגע לאַנקע־ברעגען עראינערען מיך אימער אויף אַ רעטעניש — ווייסט דוא ? דיא גראָז זאָגט דעם וואַסער : לאָמיר זיך אַ וויג טאָהן, אַ וויג טאָהן.

— איך ווייס ניט פון דער רעטעניש — האָט לאַנגוויילינ געזאָגט לעווין.

# אננא קארעני נא

## 3.

— — ווייסט דוא, איך האָב וועגען דיר געטראַכט — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, — דאָס טויג דאָך גאָר ניט, וואָס ביי אייך אין בעצירק טהוט זיך דאָ, וויא דער דאָקטאָר האָט מיר דערצעהלט. ער איז גאָר ניט קיין נארישער יונג. און איך האָב דיר געזאָגט און זאָג: עס איז ניט גוט וואָס דוא פאָהרסט ניט אויף קיין זעמסקע זיצונגען און וואָס דוא האָסט זיך איבערהויפט אָבגעזונדערט פון זעמסקע טהעטיגקייט. אויב רעכטע מענשען וועלען שטעהן פון ווייטען, פאַרשטעהט זיך, אז אַלעס וועט אוועק גאָט ווייס וויא. געלד צאָהלען מיר. דאָס געלד געהט אויף שכירות, און עס זיינען ניטאָ ניט קיין שוהלען, ניט קיין פעלדשערס, ניט קיין הייב־אַמען, ניט קיין אַפּטייקען, קיין זאַך ניטאָ.

— איך האָב דאָך געפּרופט — האָט שטיל און אָהן לוסט געזאָגט לעווין — איך קאָן ניט, נו, וואָס איז צו מאַכען!

— פאַר וואָס קאָנסט דוא ניט? איך געשטעה, אז איך פאַרשטעה דאָס ניט. עס איז בלויז גלייכגילטיגקייט; ניט קאָנען, דאָס גיב איך ניט צו; זאָל דאָס מעגליך זיין, אז דוא פוילסט זיך איינפאַך?

— ניט דאָס און ניט יענעס און ניט דאָס דריטע. איך האָב געפּרופט און איך זעה, אז איך קאָן גאָרנישט אויפטאָהן — האָט געזאָגט לעווין.

ער איז וועניג אריינגעדרונגען אין דעם וואָס דער ברודער האָט גערעדט. ער האָט געקוקט צו יענע זייט טייך אויף דעם אקער־פעלד און ער האָט געזעהען עפּעס שוואַרצעס, אָבער ער האָט ניט געקאָנט אונטערשיידען קלאָהר, צו דאָס איז אַ פערד אָדער דאָס איז זיין פּריקאַזטשיק רייטענדיג.

— פאַר וואָס קאָנסט דוא קיין זאַך ניט טאָהן? דוא האָסט פּרובירט, און דיר איז ניט געלונגען, וויא דוא דיינקסט, האָסט דוא זיך גלייך אונטערגעגעבען. וויא האָסט דוא ניט קיין אייגען־ליעבע?

— אייגען־ליעבע — האָט געזאָגט לעווין, וועמען דעם ברודערס ווערטער האָבען שטאַרק פאַרלעצט — איך פאַרשטעה ניט. ווען מען וואָלט מיר אין אוניווערזיטעט זאָגען, אז אַנדערע פאַרשטעהען דיא קאַלקולירונג פון אינטעגראַל און איך פאַרשטעה ניט, איז דעריין פאַראַן אייגען־ליעבע. אָבער דאָ דאַרף מען דאָך פריהער זיין איבערצייגט, אז מען דאַרף האָבען בעשטימטע פעהיגקייטען פאַר דיא דאָזיגע זאַכען, און דער עיקר איז, מען דאַרף איבערצייגט זיין, אז דיא אַלע זאַכען זיינען זעהר וויכטיג.

— איז וויא־זשע! זיי זיינען ניט וויכטיג? — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכער איז שוין געווען פאַרלעצט דערפון, וואָס זיין ברודער געפינט פאַר ניט וויכטיג דאָס, וואָס איהם אינטערעסירט אזוי, און בעזונדער נאָך דערפון, וואָס ער הערט זיך גאָר ניט צו צו זיינע רייד, וויא עס איז קענטיג.

— מיר ווייזט דאָס ניט אויס אַלס וויכטיג, עס נעהמט מיך ניט, וואָס־זשע ווילסט דוא?... — האָט געענטפערט לעווין און האָט שוין איצט דערזעהען, אז דאָס שוואַרצע אויפ'ן פעלד, אויף וואָס ער האָט געקוקט איז געווען טאַקע דער

פריקאַזטשיק, וועלכער האָט מסתמא צולאָזען די פויערים פון אַקערן דאָס פעלד. ער האָט געזעהען ווי זיי האָבען איבערגעקעהרט די סאָכעס. „זאָל דאָס מעגליך זיין, אַז זיי האָבען שוין אָבגעאַקערט?” האָט ער אַ טראַכט געטאָהן.

—נו, הער זיך דאָך צו — האָט אָנוואָלקענדיג זיין שענעם, קלוגען פּנים געזאָגט דער עלטערער ברודער — צו אַלעס איז פאַראַן אַ גרענעץ. עס איז גאַנץ גוט צו זיין אַ זאָנדערבאַרער מענש און אַן אויפריכטיגער און ניט ליעב צו האָבען קיין פאַלשקייט — איך ווייס עס אַלעס; אָבער דאָס וואָס דו רעדסט, האָט אָדער גאָר קיין זינען ניט, אָדער עס האָט אַ שלעכטען זינען. ווי קאָנסט דו געפינען פאַר ניט־וויכטיג, אַז דאָס דאָזיגע פאָלק, וועלכעס דו ליעבסט ווי דו פערזיכערסט....

„איך האָב קיינעם ניט פערזיכערט” — האָט אַ טראַכט געטאָהן לעווין.

— ווי קאָנסט דו געפינען פאַר ניט־וויכטיג, ווען דאָס פאָלק שטאַרבט הילפלאָז? אונוויסענדע באָבעס צוקריפּלען די קינדער, און דאָס פאָלק שימעלט אין אונוויסענהייט און בלייבט אין דער הערשאַפט פון יעדען שרייבערל, און דיר אין די הענד האָט מען געגעבען אַ מיטעל דאָס אָבצוהעלפען, און דו העלפסט ניט, דערפאַר, ווייל ביי דיר קומט אויס אַז דאָס איז ניט וויכטיג.

און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט איהם אַוועקגעשטעלט אַ דילעממאַ: אָדער דו ביסט אַזוי אונענטוויקעלט, אַז דו קאָנסט ניט זעהען אַלעס, וואָס דו קאָנסט ניט טאָהן, אָדער דו ווילסט ניט אָבגעבען עפּעס פון דיין רוהע, פון דיין פּוסטער גאוה, פון איך ווייס אַליין ניט וואָס, אום דאָס דאָזיגע צו טאָהן.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט געפיהלט, אַז איהם בלייבט נור אונטערצוגעבען זיך אָדער מודה צו זיין זיך אַז איהם פעהלט ליעבע צו דער אַלגעמיינער זאַך. און דערפון האָט ער זיך געפיהלט בעליידיגט און געקריינקט.

— אי דאָס אי יענעס — האָט ער געזאָגט ענטשיעדען — איך זעה ניט, אַז מען זאָל קאָנען...

— ווי? ווען מען זאָל ריכטיג פערטהיילען דאָס לאַנד, איז אונמעגליך איינצופיהרען מעדיצינישע הילף?

— מען קאָן ניט, ווי מיר דוכט זיך... אויף פיער טויזענד קוואַדראַט ווערסט פון אונזער בעצירק, מיט אונזערע שנעע־שטורעמס, ברענענדע ארבייטס־צייט, זעה איך ניט קיין מעגליכקייט, ווי אַזוי מען קאָן בעזאָרגען אומעטום מיט מעדיצינישע הילף. און אין אַלגעמיין גלויב איך גאָרניט אין קיין מעדיצין.

— נו, ערלויב נור, דאָס איז דאָך שוין אונגערעכט... איך וועל דיר טויזענדע ביישפּיעלע בריינגען... נו, און די שוהלען?

— צו וואָס שוהלען?

— וואָס רעדטסט דו! קאָן דען זיין אַ צווייפעל אין די נוצען פון ביל־דונג? אויב בילדונג איז גוט פאַר דיר, איז עס גוט פאַר יעדען.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט געפיהלט, אַז ער איז מאָראַליש צוגעשפּאַרט צו דער וואַנד און האָט זיך דערום צוהיצט און האָט אַרויסגעזאָגט ניט ווילענדיג די הויפּט אורזאַכע פאַר וואָס ער איז גלייכגילטיג צו קהל'שע אַנגעלעגענהייטען.

— עס קאָן זיין, אַז דאָס אַלעס איז גוט; אָבער פאַר וואָס האָב איך זיך

עפּעס צו זאָרגען וועגען גרינדרען מעדיצינישע פּונקטען, פון וועלכע איך האָב אליין קיינע נוצען ניט, און שוהלען, וואוהין איך וועל מיינע קינדער ניט שיקען און וואוהין דיא פּויערים וועלען אויך זייערע קינדער ניט שיקען, און איך גלויב נאָך ניט מיט זיכערהייט, אַז מען דאַרף זיי אהין שיקען? — האָט ער געזאָגט.

סערגיי איוואַנאָוויטש איז אויף אַ מינוט פּערוואונדערט געוואָרען פון אַזאַ בליק אויף דער זאַך; אָבער ער האָט גלייך פאַרפערטיגט אַ נייעם פּלאַן פון אַנגריף. ער האָט געשוויגען אַ ווײַלע, האָט אַרויסגענומען אַ ווענדע, האָט זיא איבערגעוואָרפען און שמייכלענדיג האָט ער זיך אַ קעהר געטאָהן צום ברודער.

— ערלויב נור... ערשטענס איז אַ מעדיצינישער פּונקט פאַר דיר נויטיג. אָט האָבען מיר געשיקט נאָך דעם זעמסקען דאָקטאָר פאַר טגאַפּיאַ מיכאַילאָוונא.

— נו, איך מיין, אַז דיא האַנד וועט בלייבען אַ קרומע.

— דאָס איז נאָך אַ פראַגע... היינט אַ פּויער ניט קיין עם־הארץ קאָן דיר מעהר נוצען ברייגגען און דוא צאָהלסט איהם טהייערער.

— ניין, דוא קאָנסט פרעגען ביי ווערמען דוא ווילסט — האָט ענטשיעדען געענטפערט קאָנסטאַנטין לעווין — אַ גראַמאָטנער מוזשיק אַלס אַן אַרבייטער איז ערגער. און דיא וועגען אויסבעסערען קאָן מען ניט, און בריקען, וויא מען וועט נור אוועקשטעלען, אַזוי וועט מען זיי אוועק'גנב'ענען.

— איבעריגענס — האָט געזאָגט אַן אַנגעוואָלקענטער סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט ניט ליעב געהאַט קיין ווידערשפּריכע, און בפרט דאָרט וואו דער געגנער איז געשפּרונגען פון איין פּונקט אויף דעם אַנדערן אָהן אַ צוזאַמענבונד, אַזוי אַז מען האָט ניט געקאָנט וויסען אויף וואָס פריהער צו ענטפערען — איבעריגענס, ניט אום דעם האַנדעלט זיך דאָך. ערלויב נור. אַנערקענסט דוא, אַז בילדונג איז גוט פאַר'ן פאָלק?

— איך אַנערקען — האָט געזאָגט לעווין אונערוואַרטעט און האָט גלייך אַ טראַכט געטאָהן, אַז ער האָט גאָר ניט געזאָגט וואָס ער מיינט. ער האָט געפיהלט, אַז אויב ער אַנערקענט דאָס וועט איהם בעוויזען ווערען אַז ער רעדט פּוסטע זאַכען, וואָס האָבען קיין שום זינען ניט. וויא דאָס וועט איהם בעוויזען ווערן האָט ער ניט געוואוסט, אָבער ער איז געווען זיכער אַז דאָס וועט איהם לאָגיש בעוויזען ווערען, און ער האָט ערוואַרט דיא דאָזיגע בעווייזע. אָבער דער אַרגומענט איז אַרויסגעקומען פיעל איינפאַכער, איידער לעווין האָט דאָס ערוואַרט.

— אויב דוא אַנערקענסט, אַז דאָס איז גוט — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש — דאַן קאָנסט דוא ניט אַלס עהרליכער מענש, ניט ליעבען און מיטווירקען אין אַזאַ זאַך, וואָס ברייגגט גוטעס.

— אָבער איך אַנערקען דאָך נאָך ניט, אַז דאָס איז אַ גוטע זאַך — האָט לעווין געזאָגט רויט ווערענדיג.

— וויא? דוא האָסט דאָך נור וואָס אַליין געזאָגט...

— דאָס הייסט איך אַנערקען דיא זאַך ניט פאַר גוט און ניט פאַר מעגליך.

— דאָס קאָנסט דוא ניט וויסען, ניט מאַכענדיג קיין אַנשטריינגונג.

— נו, לאָמיר שוין רעכענען, אַז דאָס איז אַזוי — האָט געזאָגט לעווין

הגם ער האָט גאָרניט גערעכענט אזוי — אָבער איך זעה דאָך ניט איין, צוליעב וואָס זאָל איך זיך זאָרגען וועגען דעם.

— דאָס הייסט וויא ?

— ניין, אויב מיר האָבען זיך שוין צורעדט, דאַן ערקלעהר עס מיר פון פילאָסאָפישען שטאַנדפונקט — האָט געזאָגט לעווין.

— איך פאַרשטעה ניט צו וואָס דאָ איז נויטיג פילאָסאָפיע — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש מיט אזא טאָן, וויא עס האָט זיך אויסגעוויזען לעווינען, אז ער אַנערקענט ניט פאַר זיין ברודער דאָס רעכט צו באַשעפטיגען זיך מיט פילאָסאָפישע פראַגען, און דאָס האָט לעווינען אויפגעבראַכט.

— אָט צו וואָס ! — האָט ער היציג אָנגעהויבען — איך רעכען, אז דער בעוועג־גרונד פאַר אַלע אונזערע טהאַטען איז נאָך אַלעמען דאָך דאָס פּערזענליכע גליק. היינט וויבאַלד אז אין דיא זעמסקע איינריכטונגען זעה איך ניט, אַלס אַן אַדעליגער, קיין זאַך וואָס זאָל מיטהעלפען צו מיין פּערזענליכען גליק. דיא וועגען זיינען ניט בעסער און קאָנען בעסער ניט זיין ; מיינע פערד פיהרען מיך אפילו ווען עס איז אַ שלעכטער וועג. קיין דאָקטאָר און קיין מעדיצינישען פּונקט דאַרף איך ניט. אין קיין פריעדענס־ריכטער נויטיג איך זיך ניט — איך ווענד זיך צו איהם קיין מאָל ניט און וועל זיך ניט ווענדען. שוהלען דאַרף איך ניט, און ניט בלויז וואָס איך דאַרף ניט, נור זיי זיינען שעדליך, וויא איך האָב דיר שוין געזאָגט. פאַר מיר בעדייטען דיא זעמסקע איינריכטונגען בלויז דאָס, וואָס איך דאַרף צאָהלען שטייערן אַכצעהן קאָפּיקעס פון יעדער דעסיאַטינע, דאַרף פאָהרען אין שטאָדט, שלאָפען דאָרט מיט וואַנצען און אויסהערען אַלע נאַרישקייטען און קיין פּערזענליכען אינטערעס האָב איך דעריין ניט.

— ערלויב — האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט אַ שמייכעל סערגיי איוואַנאָוויטש — אונזערע פּערזענליכע אינטערעסען קאָנען אונז ניט בעוועגען צו אַרבייטען פאַר דער בעפרייאונג פון דיא פּויערים, פון דעסטוועגען אַרבייטען מיר דאָך.

— ניין — האָט זיך אַלץ מעהר געהיצט קאָנסטאַנטין — דיא בעפרייאונג ון דיא פּויערים איז געווען אַן אַנדער זאַך. דאָ זיינען טאַקע געווען פּערזענליכע אינטערעסען. עס האָט זיך געוואָלט אַראָבוואַרפען דיא לאַסט, וועלכע האָט אונז געשטיקט, אונז, אַלע גוטע מענשען. אָבער זיין אַ דעפּוטאַט, דיסקוטירען וועגען דעם וועלכע שמוץ־אבלייטונג מען דאַרף דורכפיהרען אין שטאָדט, וואו איך וואָהן גאָרניט ; זיין אַ געשוואָרענער און מישפּט'ן דעם פּויער, וואָס האָט גע'גנב'עט אַ שטיקעל שינקען, און זעקס שטונדען זיצען און צוהערען זיך צו אַלע דומהייטען, וועלכע עס מאָלען דער פּראָקוראָר און דער אַדוואָקאַט און וויא דער געריכט־פאָר־זיצענדער פרעגט ביי מיין אַלטען אליאשקע־דעם־נאַר „אנערקענט איהר, הערר אָנגעקלאָגטער דעם פאַקט פון רויבען דיא שינקען ? — הא'ם ?“

קאָנסטאַנטין לעווין איז שוין געווען הינגעריסען, האָט פאָרגעשטעלט וויא עס רעדט דער פאָרזיצענדער און וויא עס רעדט „אליאָשקא־דער־נאַר“ ; איהם האָט זיך געדוכט אז דאָס איז אַלעס צו דער זאַך.

אָבער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַ קוועטש געטאָהן מיט דיא אַקסלען.

— איז וואָס ווילסט דוא דערמיט זאָגען?

— איך וויל בלויז זאָגען, אז יענע רעכטע, וועלכע מיך... וועלכע מיינע אינטערעסען בעריהרען, וועל איך אלע מאָל פערטהיידיגען מיט אלע קרעפטען. ווען מען פלעגט ביי אונז, סטודענטען, מאכען אַן אָביסק און זשאנדארען האָבען געלייענט אונזערע בריעף, בין איך געוועזען פארטיג צו פארטהיידיגען מיינע רעכטע אויף בילדונג, אויף פרייהייט. איך פערשטעה מיליטער־פפליכט, וועלכע בעריהרט דעם שיקזאל פון מיינע קינדער, פון מיינע ברידער און פון מיר אליין; איך בין פערטיג צו בעאורטהיילען דאָס וואָס איז שייך צו מיר; אָבער אויסרעכענען, וואוהין מען זאָל פארטהיילען פערציג טויזענד רובעל זעמסקע געלד, אָדער וויא צו משפט'ן „אליאשקא־דעם־נאר", דאָס פארשטעה איך ניט און איך קאָן דאָס ניט.

קאָנסטאנטין לעווין האָט גערעדט אזוי, אקוראט וויא זיינע ווערטער וואָלטען צורייסען א הערבליע. סערגיי איוואנאָוויטש האָט געשמייכעלט.

— און מאָרגען וועסט דוא דארפען האָבען א פראָצעס: וואָס זשע וואָלט פאר דיר אנגענעהמער געוועזען צו פראָצעסירען זיך אין אלטען קרימינאל־געריכט?

— איך וועל זיך ניט פראָצעסירען. מען וועט מיך ניט משפט'ן. איך וועל קיינעם ניט קיילען און איך דארף דיא זאכען ניט. עט, אונזערע זעמסקע איינריכטונגען און דיא אלע מעשות, זיי קומען מיר פאָר וויא דיא באריאזקעס, וועלכע מען שטעקט אָן אין דער ערד אין דעם יום־טוב „טראָיצא" עס זאָל אויסזעהען וויא א וואלד, וועלכער איז אין איירָאפּא אליין אויסגעוואקסען, און איך קאָן ניט מיט'ן גאנצען הארצען בעגיכען דיא בעריאזקעס און גלויבען אין זיי.

סערגיי איוואנאָוויטש האָט בלויז געקוועטשט מיט דיא אקסלען און האָט דערמיט אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג, וויא אזוי עס זיינען אריינגעשלעפט געוואָרען דיא בעריאזקעס אין דער דיסקוסיאָן, אָבוואָהל ער האָט גאנץ גוט פערשטאנען, וואָס דער ברודער האָט דערמיט געוואָלט זאָגען.

— ערלויב נור, אזוי דיסקוטירען קאָן מען דאָך ניט — האָט ער באמערקט, אָבער קאָנסטאנטין לעווין האָט זיך שוין איצט געוואָלט פארענטפערן אין זיין פעהלער — אין דער גלייכגילטיגקייט צו דיא קהל'שע ענינים און ער האָט פאָרטגעזעצט:

— איך דיינק — האָט געזאָגט קאָנסטאנטין — אז קיין טהעטיגקייט קאָן ניט זיין פעסט, אויב זיא האָט ניט אלס גרונד פערזענליכע אינטערעסען. דאָס איז אַן אלגעמיינע ווארהייט, א פילאָסאָפישע — האָט ער געזאָגט בעטאָנענדיג ענטשידען דעם וואָרט פ י ל אָ ס אָ פ י ש ע, וויא ער וואָלט וועלען דערמיט ווייזען, אז ער האָט אויך אזא רעכט, וויא יעדער אנדערער צו ריידען וועגען פילאָסאָפיע.

סערגיי איוואנאָוויטש האָט נאָך אמאָל א שמייכעל געטאָהן: „און ביי איהם איז נאָך פאראן עפּעס א מין פילאָסאָפיע, אויף וואָס צו שטיצען זיינע נייגונגען" — האָט ער א טראכט געטאָהן.

— נו, פילאָסאָפיע לאָז צורוה — האָט ער געזאָגט — דיא הויפּט אויפגאבע פון פילאָסאָפיע פון אלע צייטען איז בעשטאנען דעריין, צו געפינען דיא נויטיגע שייכות וואָס געפינט זיך צווישען פערזענליכע אינטערעסען און אלגעמיי־

נע אינטערעסען. אָבער דאָס איז ניט צו דער זאַך, און צו דער זאַך וועט זיין דאָס, וואָס איך מוז פעררריכטען דיין פערגלייך. בעריאזקעס זיינען ניט אריינגע־שטעקט, נור מאנכע זיינען איינגעפלאנצט, מאנכע פערזועעט, און מען דאַרף מיט זיי בעגעהען זיך פאָרזיכטיג. בלויז יענע פעלקער האָבען א צוקונפט, בלויז יענע פעלקער קאָן מען רופען היסטאָרישע, וועלכע האָבען א חוש צו פיהלען, וואָס עס איז וויכטיג און בעדייטענד אין איינריכטונגען און האַלטען דאָס טהייער.

און סערגיי איוואנאָוויטש האָט איבערגעטראָגען דיא פראגע אויף דעם היסטאָריש־פילאָסאָפישען באָדען, וואָס פאר קאָנסטאנטין לעווין איז געוועזען ניט צוגענגליך און וואָס עס האָט געוויזען וויא אונגערעכט זיינע אנזיכטען זיינען.

— און וואָס עס אנבעלאנגט צו דעם וואָס דיר געפעלט עס ניט, מוזט דוא מיר ענטשולדיגען, דאָס קומט פון אונזער רוסישער פוילקייט און פריצ'ע־שאפט. און איך בין זיכער, אז ביי דיר איז עס בלויז א צייטיגע פערבלאָנדזשונג און דאָס וועט אריבער.

קאָנסטאנטין האָט געשוויגען. ער האָט געפיהלט, אז ער איז צושלאָגען פון אלע זייטען, אָבער ער האָט אין דערזעלבער צייט געפיהלט, אז דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, האָט זיין ברודער ניט פערשטאנען: צו דערפאר, וואָס ער, לעווין, האָט קלאָהר ניט געקאָנט ארויסגעבען, וואָס ער האָט געוואָלט, אָדער דערפאר וואָס ער האָט איהם ניט געקאָנט פארשטעהן. אָבער ער האָט פערטיעפט זיך אין דיא דאָזיגע געדאנקען און ניט זאָגענדיג גאָרנישט דעם ברודער, האָט ער זיך פערטראכט וועגען גאָר עפּעס אנדערעס, וועגען זיינע פערזענליכע אנגעלעגענ־הייטען.

סערגיי איוואנאָוויטש האָט פערוויקעלט זיין לעצטע ווענדע, האָט אָבגע־בונדען דעם פערד און זיי זיינען געפאָהרען צוריק.

.4

דיא פערזענליכע אנגעלעגענהייט, וואָס האָט לעווינען אינטערעסירט אין דער צייט פון זיין געשפּרעך מיט'ן ברודער, איז געווען פאָלגענדע: פאָריגען יאָהר, ווען ער איז איין מאָהל געקומען אויף דעם היי־שניט און איז אין כעס געוואָרען אויף דעם פּריקאזשטשיק האָט ער אָנגעווענדעט דאן זיין אייגענעם מיטעל וויא צו בערוהיגען זיך — ער האָט גענומען ביי'ם פּויער דיא קאָסע און האָט אליין זיך גענומען צו קאָסען דיא היי.

דיא ארבייט איז איהם דאן אזוי געפעלען געוואָרען, אז ער האָט זיך עטליכע מאָהל גענומען פאר היי־שניידען, האָט אָבגעשניטען דיא גאנצע לאָנקע פאר'ן הויז, און דעם יאָהר האָט ער אויך אויסגעארבייט א פּלאַן — צו שניידען היי צוזאמען מיט דיא פּויערים גאנצענע טעג. זינט דער ברודער איז געקומען צו־פאָהרען האָט ער אלץ געטראכט: זאָל ער זיך נעהמען פאר היי־שניידען אָדער ניט?

# אננא קארעני נא

איהם איז געווען אונאנגענעהם איבערצולאָזען דעם ברודער אליין גאַנצע טעג, און ער האָט מורא געהאַט אַז דער ברודער זאָל פון איהם ניט מאַכען קיין חוזק.

אָבער דורכגעהענדיג זיך איבער'ן לאָנקע, האָט ער זיך דערמאָנט וועגען דיא איינדריקע פון'ם היי־שניט און ער האָט שוין כמעט בעשלאָסען, אַז ער וועט אליין אויך אנטהייל נעהמען. נאָך זיין אויפגערעגטען געשפּרעך אָבער מיט'ן ברודער האָט ער זיך ווידער דערמאָנט וועגען דעם. „איך מוז האָבען פיזישע באַוועגונג", האָט ער אַ טראַכט געטאָהן און האָט בעשלאָסען צו נעהמען זיך פאר'ן היי־שניט וויא אונבעקוועם דאָס זאָל איהם ניט זיין פאר'ן ברודער און פאר דיא פויערים.

פון אבענד איז קאָנסטאַנטין לעווין אוועק אין קאַנטאָר, האָט באַשטעלט אויף מאָרגען פאַרטיג צו מאַכען זיך צו דער ארבייט און האָט צושיקט אין דיא דערפער ארויסצורופען היי־שניטער, אַז זיי זאָלען אָבקאָסען דיא קאַלינאַווע לאָנקע, וואָס איז געווען דיא גרעסטע און דיא בעסטע פון זיין מאַיאָנטעק.

— און מיין קאָסע שיקט, זייט אַזוי גוט, צו ט י ט ע ן, ער זאָל זיא אָנשאַרפען און בריינגען מאָרגען: עס קאָן זיין, אַז איך וועל אליין אויך ארבייטען מאָרגען — האָט ער געזאָגט און האָט זיך געסטאַרעוועט ניט צו שעהמען זיך.

דער פּריקאַזטשיק האָט אַ שמייכעל געטאָהן.

אין אבענד דערנאָך האָט לעווין געזאָגט אויך דעם ברודער:

— דוכט זיך דער וועטער האָט זיך איינגעשטעלט — האָט ער געזאָגט — מאָרגען געה איך היי שניידען.

— איך האָב זעהר ליעב דיא דאָזיגע ארבייט — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש.

-- און איך האָב שרעקליך ליעב. איך פלעג אליין אמאָל קאָסען מיט דיא פּייערים און מאָרגען וועל איך אויך אַ גאַנצען טאָג.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט נייגעריג אַ קוק געטאָהן אויפ'ן ברודער.

— דאָס הייסט, וויא ? צוזאַמען מיט דיא פויערים אַ גאַנצען טאָג ?

— יא, דאָס איז זעהר אנגענעהם — האָט געזאָגט לעווין.

— דאָס איז שעהן אַלס אַ פיזישע איבונג, אָבער עס איז אונגלויבליך זאָלסט דאָס קאָנען אויסהאַלטען — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש גאַר אָהן שום שפּאַס.

— איך האָב שוין פּרובירט. פון אָנהויב איז דאָס שווערליך, דערנאָך ציהט מען זיך אריין. איך מיין אַז איך וועל ניט בלייבען הינטערשטעליג...

— אַזוי אפילו ! אָבער זאָג מיר, וויא קוקען דערויף דיא פויערים ? זיי מוזען קוקען מיט שפּאַס דערויף: דער פּריץ מאַכט זיך נאַריש.

— ניין, איך דיינק ניט, אָבער דאָס איז אַזאַ פרעהליכע און אין דערזעלבער צייט אויך אַ שווערע ארבייט, אַז עס איז קיין צייט ניטאָ צו טראַכטען.

— אָבער וויא וועסט דוא עסען מיט זיי צוזאַמען ? שיקען דיר אהין לאַפיט און אַ געבראָטענע אינדיטשקע איז דאָך עפּעס ניט בעקוועם.

— ניין, איך וועל נור קומען אהיים, ווען זייער צייט איז צו רוהען.

# אננא קארענינא

אויף מאָרגען איז לעווין אויפגעשטאַנען פריהער פון געוועהנליך, אָבער ווירטהשאַפטליכע עסקים האָבען איהם פערהאַלטען, און ווען ער איז געקומען צופאָהרען אויף דעם היי־שניט, האָבען שוין דיא שניטער געהאַלטען אין קאָסען דיא צווייטע רייהע. ווען ער איז נאָך געווען אויפ'ן באַרג האָט זיך פאַר זיינע אויגען צועפענט אראָב־באַרג א שאַטענהאַפטע, שוין אָבגעשניטענע טהייל לאַנקע, מיט גרויענדע רייהען און שוואַרצע הויפענס פון קאַפטענס, וועלכע דיא שניטער האָבען אויסגעטאָהן אויף דעם פּלאַץ, וואו זיי האָבען אָנגעהויבען דיא ערשטע רייהע. ער האָט איבערגעצעהלט צוויי און פערציג מאַן.

זיי האָבען זיך לאַנגזאַם באַוועגט איבער דעם ניט גלייכען אונטערשטען טהייל פון לאָנקע, וואו עס איז געווען דיא אַלטע הרעבליע. עטליכע פון זיינע לייט האָט לעווין דערקענט. דאָ איז געווען דער אַלטער יערמיל אין א לאַנגער ווייסער העמד, איינגעבויגענערהייט האָט ער געמאַכט הין און צוריק מיט דער קאָסע; דאָ איז געווען דער יונגער וואַסקאַ, וועלכער האָט ביי לעווינען געדיענט אַלס קוטשער, און ער האָט מיט ברייטקייט א נעהם געטאָהן מיט זיין קאָסע יעדע רייהע. דאָ איז אויך געווען ט י ט, וועלכער איז אין הלכות היי־שניידען געווען לעווינ'ס לעהרער, א קליינער, מאַגערער פּויערל. ער איז געגאַנגען מיט'ן פאָדער־טהייל, ניט איינגעבויגענערהייט, וויא ער וואָלט זיך שפּיעלען מיט דער קאָסע, אראָבשניידענדיג זיין ברייטע רייהע.

לעווין איז אראָב פון פערד, און צובינדענדיג דעם פערד ביים וועג, איז ער צוגעגאַנגען צו ט י ט ע ן, וועלכער האָט פון קוסט ארויסגענומען א צווייטע קאָסע און האָט איהם דערלאַנגט.

— פאַרטיג, פריץ'ל; דיא קאָסע גאָלט, שניידט גאָר אַליין — האָט געזאָגט טיט, אראָבנעהמענדיג דיא היטעל מיט א שמייכעל.

לעווין האָט גענומען דיא קאָסע און האָט זיך אָנגעהויבען פּאַרמעסטען. דיא פאַרשוויצטע און פרעהליכע שניטער, וועלכע האָבען שוין געענדיגט זייערע רייהען, זיינען ארויסגעקומען איינע נאָך דיא אַנדערע אויפ'ן וועג און אונטערלאַכענדיג האָבען זיי בעגריסט דעם פריץ. זיי האָבען אַלע געקוקט אויף איהם, אָבער קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט, ביז עס איז ניט ארויסגעקומען אויפ'ן וועג א הויכער אַלטער פּויער מיט א צוקנייטשטען פּנים אָהן א באָרד און האָט זיך געווענדעט צו איהם:

— זעה, פריץ, האָסט דוא זיך גענומען, זאָג ניט אַז ס'איז צו שווער, שטעה ניט אָב! — האָט ער געזאָגט און לעווין האָט דערהערט דעם איינגעהאַלטענעם געלעכטער צווישען דיא שניטער.

— איך וועל זעהען ניט אָבצושטעהן — האָט ער געזאָגט שטעלענדיג זיך הינטער ט י ט ע ן און וואַרטענדיג ווען מען וועט אָנהויבען.

— קוק — האָט ווידערהאָלט דער אַלטער.

טיט האָט געלאָזען א פּלאַץ פאַר לעווינען, און לעווין איז אַוועק נאָך איהם. דיא גראָז איז געווען נידריג לעבען וועג, און לעווין האָט דיא ערשטע מי־נוטען געקאָסעט שלעכט, הגם ער האָט שטאַרק געאַרבייט מיט דער קאָסע. הינ־טער איהם האָבען זיך דערהערט שטימען:

— דיא קאָסע איז שלעכט ארויפגעזעצט; דיא הענטעל איז צו הויך, זעהסט, ער מוז זיך בויגען — האָט געזאָגט איינער.

— נישט־קשה, וועט זיך צוגעוועהנען — האָט געזאָגט דער אַלטער — זעהסט, ס׳געהט... אַ צו ברייטע רייהע נעהמסט דוא, וועסט פערמאַטערט ווערען... בעל־הבית, פאַר דאָס פלעגט אונזער ברודער קריגען איבער׳ן הייקער.

דיא גראָז איז ווייטער אַוועק ווייכער; לעווין האָט געהערט און ניט גע־ענטפערט, געבענדיג זיך דיא מיה צו קאָר׳זין וואָס בעסער, און האָט געפאָלגט נאָך מיטען. טיט איז אַלץ געגאַנגען פאָרוועוטס אָהן אָבשטעל, ניט ווייזענדיג דעם מינדסטען צייכען פון מיעדקייט; אָבער לעווינען איז שוין געוואָרען שרעקליך און ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט דאָס ניט אויסהאַלטען; אַזוי מיעד איז ער געוואָרען.

ער האָט געפיהלט, אַז ער בעוועגט דיא קאָסע מיט דיא לעצטע כחות און ער האָט שוין בעשלאָסען צו בעטען טיטען אָבצושטעלען זיך. אָבער אין דער מינוט האָט זיך טיט אַליין אָבגעשטעלט און האָט זיך גענומען אָנשאַרפען זיין קאָסע און דערנאָך לעווינס, און זיי זיינען אַוועק ווייטער.

אַזוי זיינען זיי דורכגעגאַנגען דיא ערשטע רייהע. און דיא דאָזיגע לאַנגע ערשטע רייהע האָט אויסגעוויזען לעווינען בעזונדער שווער. אָבער דערפאַר, ווען דיא רייהע איז געווען געענדיגט, האָט לעווין, ניט קוקנדיג דערויף וואָס דער שוויס האָט זיך געגאָסען איבער זיין פנים, האָט געטריפט פון נאָז און זיין גאַנ־צער רוקען איז געוואָרען נאַס, וויא אויסגעווייקט, דאָך געפיהלט גוט. בע־זאָנדערנס האָט איהם געפרעהט וואָס ער האָט שוין איצט געזעהען, אַז ער וועט דאָס אויסהאַלטען.

זיין פערגניגען איז בלויז פערגיפט געוואָרען דערפון, וואָס זיין רייהע איז געווען ניט גוט אָבגעקאָסעט. „איך וועל וויינינגער מאַכען מיט דיא הענד און מעהר מיט׳ן גאַנצען קערפער“, האָט ער געטראַכט, פערגלייכענדיג טיט׳ס רייהע, וועלכע איז געווען גלייך וויא אַן אויסגעצויגענער פאָדים אַ׳ן זיינע איז געווען ניט גלייך און צואוואָרפען. וויא לעווין האָט באַמערקט איז טיט דיא ערשטע רייהע דורכגעגאַנגען שנעל, וויא ער וואָלט וועלען אויספרופען דעם פריץ, און דיא רייהע איז גראד געווען זעהר אַ לאַנגע. דיא פאָלגענדע רייהען זיינען שוין געווען לייכ־טער, אָבער לעווין האָט נאָך אַלץ געמוזט אָנשטריינגען אַלע זיינע קרעפטען ניט אָבצוטרעטען פון דיא פויערים.

ער האָט קיין זאַך ניט געטראַכט, קיין זאַך ניט פערלאַנגט, וויא נור ניט בלייבען הינטערשטעליג פון דיא פויערים און וויא בעסער צו אַרבייטען. ער האָט געהערט נור דעם קלאַנג פון דיא קאָסעס און האָט געזעהען פאַר זיך טיט׳ס פיגור, וועלכע ווערט אַלץ ווייטער, דעם אויסגעבויגענעם האַלב־קר׳יז פון דאָס אָבגעשניטענע, וויא לאַנגזאַם און כוואַליעדיג בויגען זיך דיא גראָזען און דיא קעפלעך פון בלומען לעבען דעם שאַרף פון זיין קאָסע און פאָראויס דיא ענדע פון דער רייהע, ווען עס וועט שוין אָנקומען אַן אָברוה.

ניט פאַרשטעהענדיג וואָס דאָס איז און פון וואַנען, האָט ער אין מיטען דער אַרבייט דערשפירט אַן אַנגענעהמע קעלט איבער דער הייסער, פערשוויצטער פלייצע. ער האָט אַ קוק געטאָהן צום הימעל אין דער צייט וואָס מען האָט גע־

שארפט דיא קאָסעס. עס איז אָנגעלאָפען א ניעדריגער, שווערער וואָלקען און עס איז געגאַנגען א געדיכטער רעגען. מאַנכע פון דיא פויערים זיינען אוועק נאָך זייערע קאַפּטענס און האָבען זיי אָנגעטאָהן; אַנדערע האָבען אויך אזוי וויא לעווין נור מיט פרייד געפיהלט דיא אנגענעהמע ערפרישונג.

מען איז דורכגעגאַנגען נאָך א רייהע און נאָך א רייהע, לאַנגע רייהען, קורצע רייהען, פון גוטע גראָז און פון שלעכטע. לעווין האָט פערלאָרען יעדען בע־גריף פון צייט און האָט לחלוטין ניט געוואוסט, צו עס איז שפּעט אָדער פריה. אין זיין ארבייט איז איצט געווען אַן ענדערונג, וואָס האָט איהם געגעבען פער־גניגען. מיט האָט זיך אָבגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו דעם אלטען, האָט איהם עפּעס שטיל געזאָגט. זיי האָבען ביידע א קוק געטאָהן אויף דער זונן. „וועגען וואָס ריידען זיי דאָס און פאַרוואָס הויבען זיי ניט אָן א נייע רייהע?" האָט גע־טראַכט לעווין, ניט טרעפענדיג אז זיי ארבייטען שוין פיער שטונדען און עס איז שוין צייט צו פריהשטיקען.

— פרישטיק עסען, פריץ — האָט געזאָגט דער אלטער.

— איז דען שוין צייט? נו, פרישטיקען.

לעווין האָט געגעבען טיטען זיין קאָסע און איז צוזאמען מיט דיא פויערים, וועלכע זיינען געגאַנגען צו זייערע קאַפּטענס נאָך ברויט, טרעטענדיג איבער דיא נאַסע רייהען פון דעם אָבגעקאָסעטען שטח, אוועק צו זיין פערד. איצט ערשט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט ניט געטראָפען וואָס פאַר א וועטער עס וועט זיין, אַן דער רעגען האָט געווייקט זיינע היי.

— דאָס היי וועט איבערגעפיהרט ווערען.

— נישט־קשה, פריץ, אין רעגען שנייד, אין גוטען וועטער זאַמעל איין! — האָט געזאָגט דער אלטער.

לעווין האָט אָבגעבונד׳ען דעם פערד און איז געפאָהרען אהיים קאַפּע טרינקען.

סערגיי איוואַנאָוויטש איז נור־וואָס אויפגעשטאַנען. ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט קאַפּע איז לעווין געפאָהרען צוריק צום היי־שניט איידער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך בעוויזען אָנצוטאָהן און ארויסגעהן אין עסס־צימער.

## 5.

נאָך פריהשטיק איז לעווינען אָנגעקומען שוין א רייהע ניט אויף דעם פריהערדיגען פּלאַץ, נור צווישען דעם אלטען וויצלינג, וועלכער האָט איהם איינ־געלאַדען צו זיין איהם א שכן, און דעם יונגען פויער, וועלכער האָט ערשט לעצטען הערבסט חתונה געהאַט און איז דאָס דעם ערשטען זומער היי שניידען.

לעווין איז געגאַנגען צווישען זיי. אין דער רעכטער היץ האָט דאָס קאָסען ניט געוויזען זיך אזוי שווער פאַר איהם. דער שווייס, וואָס האָט איהם בעגאָסען, האָט איהם געקיהלט, און דיא זונן, וועלכע האָט געברענט זיין פּלייצע, זיין קאָפּ

און דיא פערקאשערטע האנד ביז'ן עלענבויגען האט איהם געגעבען קראפט און עקשנות אין דער ארבייט; און אלץ אפטער און אפטער זיינען אויף איהם אנגעקומען מינוטען פון אונבעוואוסטען צושטאנד, ווען ער האט געקאנט ניט דיינקען וועגען דאס וואס ער טהוט. דיא קאסע האט אליין געשניטען. דאס זיינען געווען גליקליכע מינוטען. נאך פרעהליכער זיינען געוועזען דיא מינוטען, ווען צוגעהענדיג צום טייך, וואו עס האבען זיך געענדיגט דיא רייהען פון דער אבגעשניטענער לאנקע, האט דער אלטער אבגעשווינקט דיא קאסע אין דעם פרישען וואסער פון טייכעל, האט אנגעשעפט וואסער מיט'ן קענדעל און האט טראקטירט לעווינען.

— אנו, טרינק אקארשט מיין קוואסעל! גוט, הא? — האט ער געזאגט צואווינקענדיג.

און ווירקליך, לעווין האט נאך קיין מאל ניט געטרונקען אזא געטראנק, וויא ווארעמע וואסער מיט דיא ארומשווימענדע גרינס און מיט'ן ראסט פון קענדעל. וואס האט איהם איצט געשמעקט אזוי גוט.

וואס לייגער לעווין האט געקאסעט אלץ אפטער האט ער געפיהלט דיא מינוטען פון פארגעסען זיך, און דאן האבען שוין ניט דיא הענד באוועגט דיא קאסע, נור דיא קאסע האט געצויגען מיט זיך און באוועגט דעם קערפער, און אזוי וויא דורך כישוף האט זיך דיא ארבייט אליין געטאהן רעגעלמעסיג און ריכטיג. דאס זיינען געוועזען דיא גליקליכסטע מינוטען. שווער איז נור געוועזען, ווען מען האט זיך געדארפט אבשטעלען און אבהאלטען דיא באוועגונג, וועלכע איז שוין געגאנגען אונבעוואוסט — ווען מען האט זיך געדארפט אבשטעלען און א טראכט טאהן: ווען מען האט זיך אנגעשטויסען אויף א קוסטעל שטשאוועלניק אדער קליינע, געדיכטע בעוימעלעך. דא האט מען געדארפט בייטען די בעוועגונג, אמאל מיט א זייט פון קאסע און אמאל מיט'ן שארפען שפיץ דורך קליינע בעוועגונגען ארומקאסען ארום קוסטעל.

וויא פאר לעווינען אזוי פאר דעם יונגען פויער הינטער איהם זיינען אנגעקומען שווער דיא דאזיגע ענדערונגען אין זייערע בעוועגונגען. ביידע האבען זיך אנגעשטריינגט צוצופאסען איין מאהל וויא צו מאכען דיא גרויסע בעוועגונגען אין דער גאנצער ברייטקייט פון דער רייהע און אין אימפעט פון ארבייט האבען זיי קיין קרעפטען ניט געהאט צו ענדערען דיא דאזיגע בעוועגונג און קוקען פאראויס אין דערזעלבער צייט, טאמער איז אין געדיכטען גראז א קוסטעל.

לעווין האט ניט געמערקט וויא דיא צייט איז אריבער. ווען מען וואלט איהם א פרעג געטאהן וויא לאנג ער האט געקאסעט, וואלט ער זאגען אז א האלבע שטונדע — און עס איז שוין געוועזען נאהענט צו מיטאג. דער אלטער האט אויפמערקזאם געמאכט לעווינען אויף מיידלעך און איינגלעך, וועלכע זיינען פון פערשיעדענע זייטען, קוים קענטיג צווישען דיא געדיכטע גראז, און איבער'ן וועג געגאנגען צו דיא שניטער, טראגענדיג שווערע קלומיקלעך, וואס האבען אבגעצויגען זייערע הענדלעך, קלומיקלעך מיט ברויט און קריגלעך מיט קוואס פארבונדענע מיט טיכלעך.

— זעהסט, וויא פליגעלעך פויזען זיי! — האָט ער געזאָגט אָנווייזענדיג אויף זיי און קוקענדיג פון אונטערן האַנד אויף דער זונן.

מען איז דורכגעגאַנגען נאָך צוויי רייהען; דער אַלטער האָט זיך אָבגעשטעלט.

— נו, פּריץ, מיטאג עסען! — האָט ער געזאָגט ענטשיעדען. און צוקומענדיג ביז׳ן טייך, האָבען דיא שניטער אָנגעהויבען געהן איבער דיא רייהען אָבגעשניטענע גראָז צו זייערע קאַפּטענס, לעבען וועלכע עס האָבען אויף זיי געוואַרט דיא קינדער, וועלכע האָבען געבראַכט דיא מיטאגס.

דיא פּויערים האָבען זיך צונויפגעקליבען — פון דיא ווייטערע רייהען האָבען זיך צונויפגעקליבען ארום פּוהר, דיא נעהנטערע האָבען זיך אויסגעזעצט אונטערן קוסט. לעווין האָט זיך אויך צוגעזעצט צו זיי; איהם האָט זיך ניט געוואָלט פאָהרען אהיים. יעדע פארלעגענהייט איבער דעם וואָס דער פּריץ איז דאָ איז שוין לאַנג פערשוואונדען. דיא פּויערים האָבען זיך פאַרטיג געמאַכט מיטאָג צו עסען. איינע האָבען זיך איינגעוואַשען; דיא יונגע האָבען זיך געבאָדען אין טייך; אַנדערע האָבען פאר זיך צורעכט געמאַכטאַ פּלאַץ אויסצורוהען זיך, האָבען צובונדען דיא קלומיקלעך מיט ברויט און האָבען געעפענט דיא קריגעלעך מיט קוואַס. דער אַלטער האָט אָנגעבראָקט ברויט אין דער שיסעל, האָט דאָס אויסגעמישט מיט דער הענדעל פון לעפעל, האָט אָנגעגאָסען וואַסער אין קענדעל, האָט אָנגעבראָקט נאָך ברויט, האָט בעשאָטען מיט זאַלץ, און האָט זיך געשטעלט צום מזרח־זייט גאָט בעטען פאַר׳ן עסען.

— נו, פּריצ׳ל, פערזוך מיין ברויי — האָט ער געזאָגט צוזעצענדיג זיך אויף דיא קניע לעבען שיסעל.

דער מאַכל איז געוועזן אַזאַ געשמאַקער, אַז לעווין האָט שוין גאָרניט געוואָלט פאָהרען אהיים צו מיטאג. ער האָט געגעסען מיטאג מיט דעם אַלטען און האָט זיך צורעדט מיט איהם וועגען זיינע היימישע אַנגעלעגענהייטען, נעהמענדיג אין זיי אַ לעבעדיגען אַנטהייל, און ער האָט פון זיין זייט אויך איהם דערצעהלט אַלע זיינע געשעפטען און אַלע אומשטענדען, וועלכע האָבען געקאָנט אינטערעסירען דעם אַלטען. ער האָט זיך געפיהלט נעהנטער צו איהם אַלס צום ברודער. ווען דער אַלטער איז ווידער אויפגעשטאַנען, האָט אָבגעזאָגט זיין תפלה נאָכ׳ן עסען און האָט זיך דאָ אונטער׳ן קוסט אַוועקגעלייגט אונטערלייגענדיג גראָז צוקאָפּענס, האָט לעווין אויך געטאָהן דאָסזעלביגע און, ניט קוקענדיג אויף דיא קלעפּעדיגע, פּער׳עקשנ׳טע פליגען און אינזעקטען, וועלכע האָבען געקיצעלט זיין פאַרשוויצטען פּנים און קערפּער איז ער באַלד איינגעשלאָפען; און האָט ערוואַכט נור דאַן, ווען דיא זונן איז שוין אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון קוסט און איז צו איהם צוגעקומען. דער אַלטער איז שוין לאַנג ניט געשלאָפען און האָט אָנגעשלאָגען דיא קאָסעס פון דיא יונגע.

לעווין האָט זיך אַרומגעקוקט ארום זיך און האָט ניט דערקענט דעם פּלאַץ: אַזוי האָט זיך אַלעס געענדערט. דער אונגעהייערער שטח פון דער לאָנקע איז געוועזן אָבגעשניטען און האָט געגלענצט מיט אַ בעזונדערען, מיט אַ נייעם גלאַנץ, מיט דיא שמעקעדיגע רייהען אָבגעקאָסעטע גראָז אונטער דיא קרומע אָבענד־שטראַה־

לען פון דער זונן. ער האָט אָנגעהויבן בעטראַכטען וויפיעל עס איז אָבגעטאָהן געוואָרען און וויפיעל עס קאָן נאָך היינט אָבגעטאָהן ווערען.

אויפגעארבייט געוואָרען איז זעהר פיעל אויף צוויי און פערציג מענשען. דיא גאַנצע גרויסע לאָנקע, וועלכע אין דער צייט פון פּאַנשטשינע פלעגט דויערן צוויי טעג אָבצוקאָסען מיט דרייסיג קאָסעס, איז שוין געוועזן אָבגעטאָהן. מען דאַרף נאָך בלויז דערענדיגען דיא ווינקלעך מיט דיא קורצע רייהען. אָבער לעווינען האָט זיך געוואָלט וואָס מעהר אַראָבצוקאָסען דעם טאָג און איהם פערדראָסען וואָס דיא זונן לאָזט זיך אַזוי גיך אַרונטער. ער האָט ניט געפיהלט קיין מידעקייט; איהם האָט זיך בלויז געוואָלט נאָך און נאָך שנעלער און וויא מעגליך מעהר אויפצוארבייטען.

— און וויא מיינסט דוא, וועלען מיר נאָך בעווייזען אַראָבצונעהמען דעם „מאַשקין ווערך“ האָט ער אַ פרעג געטאָהן דעם אַלטען.

— וויא גאָט וועט געבען, דיא זונן איז שוין ניט הויך. אפשר טאָקע בראַנפּענדעל פאַר דיא יונגען?

אין דער צייט פון דעם אברוה צווישען מיטאג און אבענד, ווען מען האָט זיך ווידער צוגעזעצט און דיא וואָס רויכערן האָבען פערדרויכערט, האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָהן צו דיא יונגען, אַז אויב „מאַשקין ווערך“ וועט אָבגעקאָסעט ווערען וועט זיין בראַנפּען.

— וויא ניט, גיב אַקאָרשט אַ געה ארום, טיט! מיר וועלען דאָס גלייך אַראָב׳פּטור׳ן!

— נו, חברה, היט זיך! — האָט געזאָגט טיט און איז כמעט לויפענדיג אוועק קאָסען דעם ארויף־בארג.

און דיא יונגע וויא דיא אַלטע האָבען געקאָסעט וויא שפּיעלענדיג אין איבעריאָגענעס. אָבער וויא זיי האָבען זיך ניט געאיילט, האָבען זיי פון דעסטוועגען דיא גראָז ניט פערדאָרבען, און האָבען דיא רייהען היי אוועקגעלייגט אויך אַזוי גלייך אין רייהען. דער געבליבענער ווינקעלע איז אָבגע׳פּטור׳ט געוואָרען אין פינף מינוט. דיא לעצטע שניטער האָבען נאָך געהאַלטען ערשט אין ענדיגען זייערע רייהען פון דער גרויסער לאָנקע, וויא דיא ערשטע האָבען שוין אַ כאַפּ געטאָהן זייערע קאַפּטענס אויף דיא פּלייצעס און זיינען אוועק איבער׳ן וועג אַ נעהם צו טאָהן זיך קאָסען דעם „מאַשקין ווערך“. לעווין איז געגאַנגען נאָך זיי און אָפּט האָט איהם אויסגעוויזען, אַז אָט־אָט וועט ער אַנידערפאַלען, שטייגענדיג מיט דער קאָסע אויף אַ משופּע׳דיגען בארג, וואוהין עס איז אַזוי, אָהן אַ קאָסע, אויך שווער געווען ארויפצוקלעטערען; פון דעסטוועגען איז ער געקראָכען און האָט געטאָהן וואָס מען דאַרף. ער האָט געפיהלט, אַז עפּעס אַן אויסערליכע קראַפט בעוועגט איהם.

6.

ווען זיי האָבען אָבגע'פּטור'ט אין גאַנצען און דערשניטען די לעצטע רייהען, האָבען די פּויערים אָנגעטאָהן זייערע קאפּטעס און זיינען פרעהליך געגאַנגען אַהיים. לעווין האָט זיך געזעצט אויפ'ן פערד און זעגענענדיג זיך מיט פּערדרוס מיט די פּויערים, איז ער אוועק אַהיים. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט שוין לאַנג אָבגעגעסען מיטאג און האָט געטרונקען וואַסער מיט ציטראָן מיט אייז אין זיין צימער, דורכקוקענדיג די נור־וואָס ערהאַלטענע גאַזעטען און זשורנאַלען, ווען לעווין איז אַריינגעקומען מיט צופּלאַנטערטע האָאַר צוגעקלעפּטע צום שטערען פון שווייס און מיט אַ פערשוואַרצטען נאַסען רוקען און ברוסט און האָט זיך פרעהליך ריידענדיג אַריינגעריסען צו איהם אין צימער.

— און מיר האָבען אָבגעאַרבייט די גאַנצע לאָנקע! אַך, וויא גוט, וויא וואונדערליך גוט! און וויא האָסט דו דורכגעלעבט — האָט געזאָגט לעווין, אין גאַנצען פערגעסענדיג דעם נעכטיגען אונאַנגענעהמען געשפּרעך.

— טאַטעלעך, וויא דו זעהסט אויס! — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, אין דער ערשטער מינוט אונצופריעדען אומקוקענדיג זיך אויפ'ן ברודער, — אָבער די טהיר, די טיהר פערמאַך — האָט ער אַ געשריי געטאָהן — האָסט שוין געוויס אַ צעהנדליג פליגען אַריינגעלאָזען.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט ניט געקאָנט ליידען קיין פליגען און אין זיין צימער האָט ער געעפענט די פענסטער בלויז ביי נאַכט און האָט שטאַרק פערמאַכט די טיהר.

— איך שווער דיר, אַז קיין איינע ניט. און אויב איך האָב אַריינגעלאָזען ויעל איך זיי אַליין כאַפּען. דו וועסט ניט גלויבען וואָס פאַר אַ תענוג דאָס איז! וויא האָסט דו דעם טאָג פערבראַכט?

— איך, גוט. אָבער איז דאָס מעגליך אַז דו האָסט אַ גאַנצען טאָג טאַקע געשניטען היי? דו מוזט אַפּנים זיין הונגעריג וויא אַ וואָלף. קוזמאַ האָט פאַר דיר אַלעס פאַרטיג געמאַכט.

— ניין, איך וויל גאָר ניט עסען. איך האָב דאָרט געגעסען; איך וועל נור געהן איינוואַשען זיך.

— נו, געה, געה, איך וועל אויך באַלד אַריין צו דיר — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און קוקענדיג אויפ'ן ברודער — געה דאָך, געה דאָך גיכער — האָט ער צוגעלייגט שמייכלענדיג און, צונויפנעהמענדיג זיינע ביכער האָט ער זיך צוגעגרייט צו געהן. איהם אַליין איז פּלוצלונג געוואָרען פרעהליכער און עס האָט זיך ניט געוואָלט צוגעהן זיך מיט'ן ברודער — נו, און אין דער צייט פון רעגען וואו ביסט דו געוועזן?

— וועלכער רעגען? האָט קוים אַ טריף געטאָהן. וועל איך גלייך קומען. האָסט דו גוט פערבראַכט דעם טאָג? נו, דאָס איז פרעכטיג — און לעווין איז געגאַנגען איבערטאָהן זיך.

אין פינף מינוט ארום זיינען זיך די ברידער צונויפגעקומען אין עסס־

צימער. הגם לעווינען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס ווילט זיך ניט עסען און ער האָט זיך געזעצט עסען בלויז ניט צו בעליידיגען קוזמען, נור ווען ער האָט אָנגעהויבען עסען, האָט דער מאָהלצייט איהם שטאַרק פערשמעקט. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געקוקט אויף איהם שמייכלענדיג.

— אָך, יאָ, אַ בריעף איז פאַראַן צו דיר — האָט ער געזאָגט — קוזמאַ, ברייננ אַרויף פון אונטען דעם בריעף. נור גיב אַכטונג, פערמאַך די טיהר.

דער בריעף איז געווען פון אבלאַנסקין. לעווין האָט איהם איבערגעלעזען אין דער הויך. אבלאַנסקי האָט געשריבען פון פעטערסבורג: „איך האָב ערהאַלטען אַ בריעף פון דאַללי, זיא איז אין יערגושאָווא, און דאָרט איז עפּעס אַלץ ניט אין אָרדנונג. טהו אַ טובה און פאָהר אַריבער צו איהר, העלף איהר אויס מיט אַן עצה, דוא ווייסט דאָך אַלעס. זיא וועט אַזוי גערן זיין דיך צו זעהען; זיא איז דאָך דאָרט איינע אַליין נעבעך. די שוויגער מיט אַלעמען זיינען נאָך אין אויסלאַנד.“

— אַ פּרעכטיגע זאַך! איך פאָהר אַריבער צו זיי, ניט אַנדערש — האָט געזאָגט לעווין — אויב דוא ווילסט לאָמיר גאָר פאָהרען צוזאַמען. זיא איז אַזאַ וואוילע. ניט אמת?

— איז דאָס ניט ווייט פון דאַנען?

— אַ וויאָרסט דרייסיג. און אפשר טאַקע פערציג. אָבער דער וועג איז גוט; מיר וועלען הנאה האָבען פון דער רייזע.

— זעהר גערן — האָט אַלץ שמייכלענדיג געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש.

דעם יונגערן ברודער׳ס פנים האָט איהם געמאַכט פרעהליך אויפ׳ן הארצען.

— אָבער אַן אַפּעטיט איז ביי דיר! — האָט ער געזאָגט, קוקענדיג אויף זיין בורע־רויט־פאַרברענטען פּנים און נאַקען.

— פּרעכטיג! דוא וועסט ניט גלויבען וואָס פאַר אַ טהייערע זאַך דאָס איז אַלס אַ מיטעל געגען אַלערליי קאַפּריזען. איך וויל רייכער מאַכען די מעדיצין מיט נאָך איין טערמין: אַ ר ב י י ט ס ־ ק ו ר.

— נו, דוא גענויטיגסט זיך חלילה ניט דעריין.

— יאָ, אָבער דאָס איז גוט פאַר פערשיעדענע נערווען־קראַנקע.

— יאָ, דאָס וועט מען דאַרפען פערזוכען. און איך האָב דאָך געוואָלט געהן צום היי־שניט אַ קוק טאָהן אויף דיר, אָבער די היץ איז געווען אַזוי אונערטרעגליך, אַז איך בין ניט אַוועק ווייטער פון וואַלד. איך בין געזעסען און בין דערנאָך מיט׳ן וואַלד אַוועק צום דאָרף, האָב בעגעגענט דיין אם און איך האָב געזוכט ביי איהר אויסצוגעפינען וויא די פּויערים קוקען אויף דיר. וויא איך האָב פערשטאַנען געפעלט זיי גאָרניט דיין פיהרונג. „דאָס איז ניט קיין אַרבייט פאַר אַ פּריץ“ האָט זיא געזאָגט. אין אַלגעמיין דוכט זיך מיר, אַז אין דעם פאָלקס מח האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ פעסטע בעשטימונג, און אַ פאָדערונג פאַ׳ן פּריץ, וויא זיי רופען דאָס „פּריצישע“ בעשעפטיגונג. און זיי לייגט זיך ניט אויפ׳ן שכל אַז אַ פּריץ זאָל אַרויסגעהן פון דער בעשטימטער רעהמעל, אין וועלכער ער דאַרף זיין איינגעפאַסט.

— עס קאָן זיין, אָבער דאָס איז דאָך אַזאַ פערגניגען, וועלכען איך האָב אין לעבען קיין מאָל ניט פערזוכט. און קיין שלעכטעס איז דאָך דעריין ניטאָ. ניט אמת דען, וואָס? האָט געענטפערט לעווין — וואָס־זשע זאָל איך טאָהן, אַז זיי געפעלט ניט. און איבריגענס מיין איך, אַז עס מאַכט ניט אויס.

— אין אַלגעמיין, וויא איך זעה, ביסט דוא צופריעדען פון דיין טאָג — האָט ווייטער געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש.

— זעהר צופריעדען, מיר האָבען אָבגעקאָסעט דיא גאַנצע לאָנקע. און איך האָב זיך דאָרט בעפריינדעט מיט אַזאַ טהייערען אַלטען! דו קאָנסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען וואָס פאַר א פראַכט פון אַן אַלטען מענשען.

—נו, הייסט עס. צופריעדען מיט דיין טאָג, און איך אויך. ערשטענס האָב איך געלייזט צוויי שאַכמאַט־פּראָבלעמען. איך וועל דיר ווייזען. און דער־צו — האָב איך געדיינקט וועגען אונזער נעכטיגען געשפּרעך.

— וואָס? וועגען נעכטיגען געשפּרעך? — האָט געזאָגט לעווין, אָב־זאָגענדיג זיך נאָך דעם זאַטען מאָהלצייט און בשום אופן ניט קאָנענדיג זיך עראינערן וואָס פאַר א געשפּרעך דאָס איז געוועזען נעכטען.

— איך געפין, אַז דו ביסט טהיילווייז גערעכט. אונזער מיינונגס־פער־שיעדענהייט בעשטעהט דעריין, וואָס דוא שטעלסט אוועק אַלס בעוועג־קראַפט פון מענשענס טהאַטען זיינע פערזענליכע אינטערעסען, און איך רעכען, אַז דיא אינטערעסען פון טובת הכלל דאַרפען זיין אין יעדען מענשען, וועלכער שטעהט אויף א בעשטיממטער שטופע פון בילדונג. עס קאָן זיין, אַז דוא ביסט גערעכט, אַז עס וואָלט געוועזען וויגשענסווערטהער, ער זאָל זיין פעראינטערעסירט מעהר אין מאַטעריעלער טהעטיגקייט. אין אַלגעמיין ביסט דוא פון דיא נאַטורען וואָס ווילען האָבען אָדער ליידענשאַפטליכע, ענערגישע טהעטיגקייט אָדער גאָרנישט מאָהן.

לעווין האָט געהערט דעם ברודערס רייד און האָט לחלוטין גאָרנישט פער־שטאַנען און האָט ניט געזוכט פערשטעהען. ער האָט בלויז מורא געהאַט אַלץ, דער ברודער זאָל איהם ניט שטעלען אַזאַ פראַגע, פון וועלכער עס וועט זיין פערשטענדליך אַז ער האָט גאָרנישט געהערט.

— אַזוי איז דאָס, מיין פריינד — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, א ריהר טהאָנ׳דיג זיין אַקסעל.

— נו געוויס. וויא דען! איך שטעה ניט אַזוי אויף דאָס מיינינגע — האָט געענטפערט לעווין מיט א שמייכעל פון א קינד, וואָס פאַרשולדיגט זיך. „וועגען וואָס האָב איך מיט איהם נעכטען געשפּאַרט זיך? — האָט ער געטראַכט — זעלבסטפערשטענדליך, אַז אי איך בין גערעכט, אי ער איז גערעכט, און עס איז אַלעס שעהן. מען דאַרף נור אַריבערגעהן אין קאָנטאָר א קוק טהאָן וואָס הערט זיך און זעהען וואָס מען דאַרף הייסען טהאָן“. ער האָט זיך אויפגעהויבען האָט זיך א ציה געטהאָן און האָט געשמייכעלט.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויך א שמייכעל געטאָהן.

— ווילסט דוא זיך דורכגעהן, לאָמיר געהן צוזאַמען — האָט ער געזאָגט ניט וועלענדיג שיידען זיך מיט׳ן ברודער, פון וועלכען עס האָט געאָטהעמט

מיט פרישקייט און מונטערקייט. — קום, וועלען מיר אריינגעהן צוזאמען אין קאנטאר, אויב דיר איז נויטיג.

— אך, טאטעלעך! — האט אויסגעשריען לעווין אזוי הויך אז סערגיי איוואנאוויטש האט זיך צושראקען.

— וואס, וואס איז דיר?

— און וואס מאכט אגאפיא'ס האנד — האט געזאגט לעווין און האט זין געגעבען א קלאפ אין קאפ — איך האב וועגען איהר גאר פערגעסען.

— זיא איז פיעל בעסער.

— נו, פון דעסטוועגען וועל איך אריבערלויפען צו איהר. איידער דוא וועסט נאך אנטאהן דיין הוט וועל איך שוין זיין צוריק.

און וויא א בראזגאלקע האט ער אנגעהויבען קנאקען מיט זיינע קנאפעל, אראבלויפענדיג פון דיא טרעפ.

## 7.

אין דער צייט יוען סטעפאן ארקאדיעוויטש איז זיך דורכגעפאהרען אין פעטערבורג אום צו ערפילען א נאטירליכע, בעוואוסטע פפליכט פאר אלע בעאמטע, הגם אונפערשטענדליך פאר ניט בעאמטע — דערמאנען וועגען זיך אין מיניסטערסטווא; און ערפיללענדיג דיא דאזיגע פפליכט האט ער גענומען כמעט דאס גאנצע געלד פון הויז און האט פרעהליך און אנגענעהם פערבראכט זיין צייט אויף דיא רייסעס, אין דיא דאטשעס. אין דער דאזיגער צייט האט דאללי מיט דיא קינדער זיך אריבערגעקליבען צו לאנד, אום צו פערקלענערען דיא הוצאות אויף וויפיעל מעגליך. זיא האט זיך אריינגעקליבען אין איהר מאיאנטעק, וואס מען האט איהר געגעבען אלס נדן, יערגושאווא — דערזעלבער מאיאנטעק, וואו אין פריהלינג איז פערקויפט געווארען דער וואלד און וועלכער איז געוועזען אין גאנצען א פופציג ווערסט פון לעווינס מאיאנטעק פאקראווסקאיע.

אין יערגושאווא איז דאס גרויסע, אלטע פריצישע הויז געוועזען שוין לאנג צובראכען, און איהר פאטער, דער פירסט, האט נאך פאר זיין צייט צוגעבויעט און צורעכט געמאכט א פליגעל צום הויז. דער פליגעל איז געבויעט געווארען מיט א יאהר צוואנציג צוריק, ווען דאללי איז נאך גאר געוועזען א קינד און דאן איז ער געוועזען גרויס און בעקוועם. אבער איצט איז שוין אפילו דער פליגעל פון הויז געוועזען שוין אלט און צופיילט. אין פריהלינג נאך ווען סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געפאהרען פערקויפען דעם וואלד, האט דאללי איהם געבעטען בעקוקען דאס הויז און הייסען פעררעכטען וואס מען דארף. סטעפאן ארקאדיעוויטש, וויא אלע שולדיגע מענער, איז געוועזען שטארק בעזארגט מיט דער פרוי'ס בעקוועמליכקייטען, האט אליין בעקוקט דאס הויז און האט געהייסען צורעכט מאכען אלעס, וואס ער האט געפונען פאר נויטיג. ער האט געפונען פאר נויטיג צו בעציהען אויף דאס ניי דיא גאנצע מעבעל, אנהייגען גארדינען, אויסרייניגען דעם גאר־

כען, מאכען א בריקעל איבער'ן טייכעל, פארזעצען בלומען. ער האט אבער פארגעסען אויף פיעלע אנדערע נויטווענדיגע זאכען, וועלכע האבען אין הויז געפעהלט און וואס עס האט פערמאטערט דאריא אלעקסאנדראוונא.

וויא סטעפאן ארקאדיעוויטש האט ניט געזוכט צו זיין א זארגזאמער פאטער און מאן האט ער זאך בשום אופן ניט געקאנט געדיינקען, אז ער האט א פרוי מיט קינדער. זיין געשמאק איז געווען דאס געשמאק פון אן אונפערהייראטהעען מענשען און וועגען קיין אנדערע זאכען האט ער ניט געזארגט. ווען ער איז געקומען צוריק קיין מאסקווא האט ער מיט שטאלץ ערקלעהרט דער פרוי, אז אלעס איז פון איהרט וועגען פארטיג געמאכט געווארען, דאס הויז איז א צאצקעלע און אז ער ראטה איהר זעהר זיא זאל פאהרען פאר'ן זומער קיין יערגושאווא.

פאר סטעפאן ארקאדיעוויטש איז זיין פרוי'ס אבפאהרען אין דארף געווען אנגענעהם אין אלע הינזיכטען: פאר דיא קינדער בעסער, געזונדער; קאסטען ביליגער, הוצאות וויינ:גער, און ער וועט זיין פרייער. דאריא אלעקסאנדראוונא האט איינגעפונ:ען אז פאר דיא קינדער איז נויטווענדיג זיי זאלען זומער וואהנען אין דארף, בעזאנדערס איז דאס נויטיג פאר דער קליינער מיידעלע, וועלכע האט זיך ניט געקענט ערהאלען וויא זיס דארף צו זיין נאך דער סקארלאטין־קראנקהייט, און ענדליך אויך צוליעב דעם, אז זיא זאל פריי ווערען פון דיא קליינליכע ערנידריגונגען, פון דיא קלייניגע חובות, וואס קומט דעם האלץ־הענדלער, דעם פישהענדלער, דעם שוך־הענדלער וואס האט איהר זעהר אויסגעמאטערט. אויסער דעם איז איהר דאס פאהרען קיין יערגושאווא געווען אנגענעהם, ווייל אהין וועט צו איהר אויך קומען איהר שוועסטער קיטי, וועלכע דארף קומען פון אויסלאנד און וועט זיין מיט איהר אין דארף.

קיטי האט געשריבען פון אויסלאנד, אז קיין זאך איז פאר איהר ניט אזוי אנציהענד, וויא פערברייינגען א זומער מיט דאללי אין יערגושאווא, וואו זיי האבען ביידע אזוי פיעל ערינערונגען פון זייער קינדהייט.

דיא ערשטע צייט פון דארפישען לעבען איז פאר דאללין געווען אן אבקומענעס. זיא האט געלעבט אין דארף, ווען זיא איז געווען נאך א קינד, און ביי איהר איז געבליבען דער איינדרוק, אז דיא דארף איז א רעטונג פון אלע שטאדטישע אונאנגענעהמליכקייטען, אז הגם דאס לעבען איז דארט ניט שעהן (דערמיט האט שוין דאללי פריעדען געשלאסען) דערפאר איז אבער דארט אלעס ביליג און בעקוועם. צו לאנד איז אלעס פאראן, אלעס קאסט ביליגער,, אלעס קאן מען קריגען, און פאר דיא קינדער איז דאך דאס אודאי גוט. אבער איצט ווען זיא איז געקומען צופאהרען אין דארף א ווירטהין, האט זיא ערשט דערזעהען, אז דאס איז אלעס גאר ניט אזוי וויא זיא האט געמיינט.

אויף דעם צווייטען טאג נאך זייער קומען איז געגאנגען א גוס רעגען און ביינאכט האט גערונען אין קארידאר און אין קינדער־צימער, אז מען האט געמוזט דיא בעטלעך אריבערטראגען אין זאל; קיין קעכין איז ניט געווען; פון דיא זעקס קיה, וואס זיינען פאראן שטעלט זיך ארויס, אז איינינגע קעלביג אנדערע זיינען מיט'ן ערשטען קאלב, דיא דריטע זיינען צו אלט, ביי דיא פערטע

זיינען הארטע אייטער; קיין מילך, קיין פוטער, ניטאָ אפילו פאַר די קינדער גענוג. קיין אייער זיינען ניטאָ. קיין הוהן קאָן מען ניט קריגען; מען האָט געמוזט קאָכען און פרעגלען אַלטע, הארטע העהנער. פרויען אויסצואוואַשען די דילען האָט מען ניט געקאָנט בעקומען — אַלע זיינען געווען פערנומען אין די קאַרטאָפעל־גערטנער. שפּאַצירען פאָהרען האָט מען ניט געקאָנט, ווארום איין פערד האָט זיך געריסען פון דישעל. באָדען זיך איז ניט געווען וואו, ווייל דער גאַנצער ברעג פון טייך איז געווען צוטראָטען פון די בהמות און אָפען צום וועג; אפילו געהן שפּאַצירען איז אויך ניט געווען וואו, דערפאַר ווייל דער צאַהם פון גאָרטען איז געווען צובראָכען, די בהמות פלעגען אַריבערקריכען איבער׳ן צאַהם און צווישען זיי איז געווען איין שוואַרצער בייק, וועלכער האָט גערעוועט, וואָס דאָס איז געווען אַ סימן אַז ער בוקעט זיך מסתמא מיט די הערנער. קיין שאַפעס פאַר קליידער זיינען ניט געווען, און די וואָס זיינען געווען פלעגען זיך אַליין צועפענען וויא מען איז נור פערבייגעגאַנגען פערביי זיי. קיין אייזערנע טעפּלעך זיינען ניט געווען, קיין קאָטשערעס; און אפילו אַ ברעט אויף וועלכער צו פּרעסען איז ניט געווען.

די ערשטע צייט איז דאריא אַלעקסאַנדראָווגא געווען אַ פערצווייפעלטע, זעהענדיג די צרות, וואָס זיא האָט דאָ אויסצושטעהן: זיא האָט געאַרבייט מיט אַלע קרעפטען, האָט געפיהלט וויא קריטיש איהר לאַגע איז און יעדע ווײלע פלעגען איהר אָנלויפען טרעהרען אין די אויגען. עס האָט זיך איהר געדוכט, אַז עס איז קיין מיטעל ניטאָ וויא איינצואָרדנען דאָס אַלעס. אָבער אין הויז פון די אבלאָנסקים וויא אין אַלע פאַמיליען, איז געווען איין פּערזאָן, וועלכע מען האָט גאָר ניט באַמערקט, וועלכע איז אָבער געווען די וויכטיגסטע און ניצליכסטע, דאָס איז געווען מאַטריאָנא פילימאָנאָווגא. זיא האָט בערוהיגט די פּריצתה, האָט איהר פאַרזיכערט, אַז אַלעס וועט זיך *איינאָרדנען* (דאָס איז געווען איהר וואָרט און מאַטוויי האָט דאָס איבערגענומען פון איהר.) און זיא האָט אַליין גענומען זיך ווירקען און זאָרגען וועגען אַלעס.

זיא האָט באַלד בעפריינדעט זיך מיט דעם פּריקאַזטשיק׳ס ווייב און האָט שוין געטרונקען צוזאַמען מיט איהר טהעע אונטער׳ן אַקאַציען־בוים און דערביי בעראטהן זיך מיט איהר וויא צו טאָהן. אין גיכען האָט שוין דאָ אונטער דעם אַקאַציען־בוים זיך געבילדעט מאַטריאָנא פילימינאָווגאַס קלוב, וועלכער איז בעשטאַנען פון דעם פּריקאַזטשיק, פּריקאַזטשיצע, סטאַראָסטא און קאַנטאָרשטשיק. מען האָט אָנגעהויבען איינריכטען נויטיגע זאַכען און אין אַ וואָך צייט האָט זיך ווירקליך אַלעס *איינגעאָרדענט*: דעם דאַך פעררירכט, אַ קעכין אויפגעזוכט, היהנער געקויפט, די בהמות האָבען זיך אָנגעהויבען צו לאָזען מעלקען, דעם גאָרטען האָט מען אַרומגעצאַהמט, צו די שאַפעס האָט מען צוגעמאַכט קייטלען, אַ ברעט צום פּרעסען האָט מען צורעכט געמאַכט און אַרומגעוויקעלט מיט סאָלדאַטסקען געוואַנד און אַוועקגעלייגט איין ברעג אויפ׳ן קאָמאָד און איין ברעג אויפ׳ן ווענטעל פון שטוהל און עס האָט זיך באַלד געלאָזט הערען אין דינסטען־צימער, דער גערויך פון פּרעס־אייזען.

— נו, זעהט איהר! און איהר זייט אַלץ געווען פּערצוווייפעלט — האָט געזאָגט מאַטריאַנאַ פיליפּאָוונאַ, ווייזענדיג אויף דער פּרעס־ברעט.

און מען האָט אפילו אויסגעבויט אַ שטיבעל צום באָדען זיך. לילי האָט זיך אָנגעהויבען צו באָדען, און פאַר דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָבען זיך ענדליך פערווירקליכט איהרע טרוימען וועגען אַ בעקוועמען לעבען אין דאָרף. נאַטירליך אין גאַנצען רוהיג זיין, ווען מען האָט זעקס קינדער, דאָס האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ ניט געקאָנט. איין קינד האָט עפּעס צוגעקריינקט, אַן אַנדער קינד קאָן נאָך חס חלילה קראַנק ווערען, אַ דריטעס האָט געוויזען עפּעס צייכענס פון אַ שלעכטען כאַראַקטער, א. ז. וו., א. ז. וו. זעלטען, זעלטען זיינען געווען רוהיגע, קורצע פעריאָדען.

אָבער די דאָזיגע זאָרג און אונרוהיגקייט זיינען געווען פאַר דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ דאָס איינציג מעגליכע גליק. אויב דאָס וואָלט ניט געווען וואָלט זיא איבערגעבליבען אַליין מיט איהרע געדאַנקען וועגען דעם מאַן, וועלכער האָט זיא ניט געליעבט. און די קינדער אַליין האָבען זיא אויך בעלאָהנט מיט ביסלעך פרייד פאַר דער זאָרג און די אונרוהיגקייט וואָס זיא האָט פון זיי געהאַט. דאָס זיינען געווען אַזעלכע קליינע שמחות, אַז זיי זיינען גאָר ניט קענטיג געווען, וויא גאָלד אין זאַמד; אין די שווערע מינוטען האָט זיך געזעהען דורכאויס זאַמד, דורכאויס צרות; אָבער עס זיינען געווען אויך בעסערע מינוטען, ווען זיא האָט געזעהען בלויז שמחה, בלויז גאָלד און גאָר קיין זאַמד ניט.

איצט, אין דער איינזאַמקייט פון דאָרפישען לעבען, האָט זיא אָפטער און אָפטער אָנגעהויבען צו דערקענען די דאָזיגע פרייד. אָפט קוקענדיג אויף זיי האָט זיא געמאַכט אַלערליי אנשטריינגונגען אום זיך צו איבערציינגען, אַז זיא אירט זיך, אַז זיא איז וויא אַ מוטער, וואָס זעהט אין איהרע קינדער בלויז גוטעס; פון דעסטוועגען האָט זיא ניט געקאָנט ניט זאָגען זיך, אַז ביי איהר זיינען פּרעכטיגע קינדער, אַלע זעקס אַזעלכע, וויא מען קאָן זעלטען געפינען — און זיא איז געווען גליקליך פון זיי און האָט מיט זיי שטאָלצירט.

8

אין ענדע מאַי, ווען אַלעס האָט זיך שוין מעהר אָדער ווייניגער איינגעאָרדענט, האָט זיא ערהאַלטען דעם מאַנס ענטפער אויף איהרע קלאָגען וועגען איהרע דאָרפישע צרות. ער האָט איהר געשריבען בעטענדיג פערצייהונג פאַר וואָס ער האָט דאָס אַלעס ניט נאָכגעטראַכט פריהער און האָט פערשפּראָכען ביי דער ערשטער מעגליכקייט צו קומען צופאָהרען. אַזאַ מעגליכקייט האָט זיך ניט געמאַכט און ביז אָנפאַנג יוני האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געוואָהנט אין דאָרף אַליין.

ווען עס זיינען געקומען די פּעטראָווסקע יום־טובים, איז זונטאָג דאַריאַ

# אננא קארענינא

**אלעקסאנדראָוונא געפאָהרען אין קירכע צו טויפען אלע איהרע קינדער. דאריא** אלעקסאנדראָוונא פלעגט אָפט פערוואונדערן איהר מוטער און איהר שוועסטער מיט איהר פרייע געזינונגען, ווען זיא פלעגט זיך צוריידען מיט זיי וועגען פילאָסאָפישע און רעליגיעזע פראגען. זיא האָט פון דיא דאָגמען פון דער קירכע ווייניג געהאלטען און ביי איהר איז געווען איהר אייגענע רעליגיאָן. אָבער אין דער פאמיליע האָט זיא שטרייננ אָבגעהיט, מיט'ן גאנצען הארצען, אלע פאָדערונגען פון דער קירכע, און זיא האָט זיך שטארק אָבגעגעסען דאָס הארץ, וואָס שוין איבער א יאָהר וויא דיא קינדער זיינען ניט געוועזן צו דער הייליגער באהעפטונגס־טויפע און זיא האָט בעשלאָסען דעם זומער דאָס צו טאָהן, צו וואָס מאטריאנא פילימאָנאָוונא האָט צוגעשטימט און האָט געהאלטען פאר גוט.

נאָך מיט עטליכע טעג פריהער האָט שוין דאריא אלעקסאנדראָוונא בעטראכט וויא אָנצוקליידען אלע קינדער. עס זיינען אויפגענעהט געוואָרען, איבערגעמאכט געוואָרען און אויסגעוואשען געוואָרען קליידלאך, צוגענעהט געוואָרען קנעפלאך, בעפוצט געוואָרען מיט שטיינגעס. פון איין קליידעל, פאר טאניא, האָט דאָריא אלעקסאנדראָוונא געהאט גרויס עגמת נפש. דיא ענגלענדערקע האָט דאָס קליידעל איבערגענעהט און זיא האָט ארויסגעלאָזען צופיעל דיא ארבעלאך, אז זיא האָט כמעט אין גאנצען איבערגעפיהרט דאָס קליידעל, און דאריא אלעקסאנדראָוונא האָט זיך שוין שיער מיט איהר ניט צוקריעגט, אָבער מאטריאָנא פילימאָנאָוונא איז געפאלען אויף אַן איינפאל און מען האָט צום קליידעל געמאכט א פעלערינקע. ווען עס איז געקומען דער זונטאג אין דער פריה איז אלעס געווען פערטיג, און צו ניין א זייגער — דיא צייט, ביז וועלכער מען האָט געבעטען דעם גלח אויפציהען מיט זיין גאָטעס־דיענסט — זיינען דיא קינדער, שיינענדע פון פרייד און שעהן פערפוצטע, געשטאנען לעבען קאליאס, ווארטענדיג אויף דער מוטער. דאָריא אלעקכאנדראָוונא איז ארויסגעקומען אין א ווייסע קיסעיענע קלייד.

ביי איהר דאָט גענומען א היבשע צייט דאָס אָנטאָהן זיך. מיט יאָהרען צוריק פלעגט זיא זיך קליידען פון זיך אליין וועגען, זיא זאָל אויסזעהען שעהן און געפעלען זיין; דערנאָך, וואָס מעהר זיא האָט זיך געעלטערט, אלץ אונאנגענעהמער איז פאר איהר געוואָרען צו פוצען זיך; זיא האָט געזעהען וויא זיא איז מיאוס'ער געוואָרען. אָבער איצט האָט זיא זיך ווידער אָנגעטאָהן מיט פערגניגען און א ביסעל אויפגערעגט. זיא האָט זיך איצט אָנגעטאָהן ניט פון זיך וועגען, ניט פון איהר אייגענע שעהנקייט וועגען, נור צוליעב דעם אז זיא זאָל, אלס מוטער פון דיא דאָזיגע פרעכטיגע קינדער, ניט פערדארבען דעם אלגעמיינעם איינדרוק.

און איינקוקענדיג זיך צום לעצטען מאָהל אין שפיעגעל איז זיא געבליעבן צופריעדען פון זיך. זיא איז געוועזן שעהן. ניט אזוי שעהן, וויא זיא פלעגט וועלען זיין, ווען זיא פלעגט ערשיינען אויף א באל, אבער שעהן פאר דעם צוועק צוליעב וועלכען זיא האָט זיך איצט אָנגעקליידט.

אין קירכע זיינען קיינער, אויסער פויערים, הויף־קנעכט און זייערע ווייבער, ניט געווען. אָבער דאָריא אלעקסאנדראָוונא האָט געזעהען, אָדער איהר

האט זיך געדוכט, אז זיא האט געזעהען, וויא אלע זיינען ענטציקט געווארען פון איהר און איהרע קינדער. דיא קינדער זיינען ניט נור געווען שעהן אין זייערע אויסגעפוצטע קליידלאך, נאר זיי זיינען אויך געווען ליעבליך מיט זייער האלטונג. אמת אפילו אליאשא איז נים גאר גוט געשטאנען; ער האט זיך יעדע ווילע א דרעה געטאהן און האט געוואלט זעהען זיין זשאקעטעל פון הינטען, וויא עס זעהט אויף איהם אויס. אבער ניט קוקענדיג דארויף איז דאך אליאשא געווען מערקווירדיג ליעבליך. טאניא האט זיך געהאלטען וויא אן ערוואקסענע פערזאן און האט אכטונג געגעבען אויף דיא קלענערע קינדער. בעזאנדער פרעכטיג איז אבער געווין לילי מיט איהר נאאיווער פערוואונדערונג פון אלעם וואס זיא זעהט, און עס איז געווען שווער ניט א שמייכעל צו טאהן, ווען זיא האט אין דער צייט פון דער באהעפטונג־צערעמאניע א זאג געטאהן אויף ענגליש: „פליז, סאם מאר.“

ווען זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים, האבען דיא קינדער דערפיהלט, אז עס האט עפעס געהויבענעס פאסירט, און זיי זיינען געווען זעהר ארטיג. אלעס איז צוגעגאנגען גוט אויך אין דער היים; אבער אין מיטען פרידשטיק האט גרישא אנגעהויבען פייפען, און וואס נאך ערגער פון אלעס, האט בשום אופן ניט געוואלט פאלגען דיא ענגלישע גאווערנאנטין, פאר וואס ער איז בעשטראפט געווארען און ער האט ניט בעקומען קיין זיסע קוילעטש. דאריא אלעקסאנדראוונא וואלט קיין מאל ניט דערלאזען עס זאל ארויסגעגעבען ווערען אזא שטריינגע בעשטראפונג, אבער זיא האט געמוזט פערלאזען זיך דא אויף דער ענגלענדערין אכטונג צו געבען, און ווען דיא שטראף איז שוין ארויסגעגעבען געווארען האט איהר ניט געפאסט ניט אויפצוהאלטען דיא אכטונג פאר דער גאווערנאנטין. דאס האט אביסעל איבערגעפיהרט דיא אלגעמיינע שמחה.

גרישא האט געוויינט און האט זיך פארענטפערט, אז אט האט קאלינקא געפייפט פון דעסטוועגען האט מען איהם ניט בעשטראפט און אז ער וויינט גאר ניט צוליעב דעם קוילעטש — דאס איז איהם אלץ איינס, — ער וויינט בלויז פאר וואס מען טהוט איהם אזוי פיעל אונרעכט. דאס האט שוין צו פיעל פערדראסען און דאריא אלעקסאנדראוונא האט ענטשיידען צו האבען א בעראטהונג מיט דער ענגלענדערין און פערצייהען גרישא׳ן. זיא איז געגאנגען צו דער ענגלענדערין, אבער דא האט זיא זיך אנגעשטויסען אויף א סצענע, וועלכע האט מיט אזוי פיעל שמחה אנגעפילט איהר הארץ, אז טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין דיא אויגען און זיא האט אליין, אהן דער ענגלענדערקע, פערצייהעט דעם פערברעכער.

דער בעשטראפטער גרישא איז געזעסען אין זאל אויפ׳ן ווינקעל־פענסטער, לעבען איהם איז געשטאנען טאניא מיט א טעלער. אונטער דעם אויסרייד, אז זיא וויל דאס טראגען מיטאג עסען פאר דיא פופעס, האט זיא געבעטען ביי דער ענגלענדערקע ערלויבעניס אוועקצוטראגען איהר פארציאן קוילעטש אין קינדער־צימער, און אנשטאט צו טראגען עס אין קינדער־צימער פאר דיא פופעס האט זיא דאס געגעבען דעם בעשטראפטען ברודער. פארטזעצענדיג זיין

געוויין וועגען דער אונגערעכטיגקייט וואָס מען בעגעהט געגען איהם, האָט גרישא געגעסען דעם קוילעטש, וואָס טאניא האָט איהם געבראַכט און האָט שלוכצענדיג ניט אויפגעהערט צו ריידען: „עס דאָך אליין, לאָמיר צוזאַמען עסען... צוזאַמען.“ ביי טאניען זיינען אויך געווען טרעהרען אין דיא אויגען, פון רחמנות אויף גרישא'ן און פון'ם בעוואוסטזיין אז זיא האנדעלט וואָהלטהעטיג, און זיא האָט זיך ניט אָבגעזאָגט פון גרישא'ס פאָרשלאָג צו עסען צוזאַמען.

דערזעהענדיג דיא מוטער האָבען זיי זיך ביידע צושראָקען, אָבער איינקוקענדיג זיך אין איהר פנים, האָבען זיי פערשטאַנען אז עס איז גוט דאָס וואָס זיי טהוען, האָבען זיך צולאַכט און האָבען גענומען ווישען דיא מיילכעלאָך, וואָס זיינען געווען פול מיט קוילעטש און האָבען פערשמירט דערווייל זייערע פנים'לאָך מיט איינגעמאַכטס און טרעהרען.

— מאַמעלאָך!! דיא נייע ווייסע קליידעלאָך! טאניא! גרישא! — האָט גערעדט דיא מוטער, זוכענדיג צו ראַטעווען דיא קליידלאָך זאָלען זיך ניט איינשמירען, אָבער האָט גליקליך געשמייכעלט מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

דיא נייע קליידלאָך האָט מען אויסגעטאָהן, געהייסען אָנטאָהן דיא מיידעלאָך בלוזקעס און דיא אינגלאָך אלטע זשאַקעטלאָך און געגעבען א בעפעהל איינצושפאַנען דעם לאַנגען וואָגען אום צו פאָהרען נאָך שוועמלאָך און באָדען זיך. שוועמלאָך האָט מען אָנגעזאַמעלט א גאַנצען קאָרב, אפילו לילי האָט אויך געפונען א בעריאָזאָווען שוועמעל. פריהער פלעגט דיא גאָווערנאַנטין מיסס הול דאַרפען געפינען און ווייזען איהר; אָבער איצט האָט זיא שוין איינע אליין דערקענט א בעריאָזאָווען שוועמעל און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַן אלגעמיינע שמחה און געלעכטער: „לילי האָט געפונען א שוועמעלע!“

דערנאָך איז מען צוגעפאָהרען צום טייך; דיא פערד האָט מען צוגעבונדען אונטער דיא בעריאָזקעס און מען איז אוועק באָדען זיך. אָבוואָהל עס איז געווען גענוג זאָרג אכטונג צו געבען אויף אלע קינדער און אָבהאַלטען זייערע שטיפעריי, אָבוואָהל עס איז געווען ניט קיין לייכטע זאַך געדיינקען און ניט פערפלאָנטערן דיא דאָזיגע אלע הויזעלאָך, קליידעלאָך, זעקעלאָך, שיכעלאָך פון דיא פערשיעדענע פיסלאָך און פערבינדען און אָפבינדען און אָבשפּילען און פאַרשפּילען דיא בענדלאָך און דיא קנעפּלאָך, פון דעסטוועגען האָט דאַריא אלעקסאַנדראָוונא נאָך קיינמאָל אזא הנאה געהאַט וויא פון דעם דאָזיגען באָדען זיך מיט דיא קינדער צוזאַמען.

איבערצוהאַלטען דיא אלע דאָזיגע פולינקע פיסעלאָך, אָנציהען אויף זיי זעקעלאָך, נעהמען אין דיא הענד דיא יונגינקע, נאַקעטע קערפערלאָך און טונקען זיי אין וואַסער און הערען זייערע פרעהליכע געלעכטער, זייערע דערשראָקענע קוויטשערייען, זעהען וויא זיי פערכליאָבען זיך אָהן אטהעם מיט צועפענטע, צושראָקענע און פרעהליכע אויגעלאָך — דיא פנים'לאָך פון איהרע כרובים'לאָך, ווען זיי שפּריצען איינע דיא אנדערע און פּלעסקען זיך אין וואַסער, דאָס איז פאַר איהר געווען דער גרעסטער תענוג.

# אננא קארענינא

ווען א העלפט פון די קינדער זיינען שוין געווען אָנגעטאָהן, זיינען צום באדע־שטיבעל צוגעקומען פויערטעס יום־טוב׳דיג אָנגעטאָהן און דאריא אלעקסאנדראָוונא האָט זיך מיט זיי צורעדט. זיי האָבען זיא אונטערגעקויפט מיט זייער הנאה פון איהרע קינדער.

— קוק נור, וואָס פאר א שעהנינקע, א ווייסינקע וויא צוקער — האָט געזאָגט איינע, קוקענדיג מיט הנאה אויף טאניטשקען און צושאָקלענדיג דערביי מיט׳ן קאָפּ — אָבער מאָגער איז זיא...

— יא, זיא איז קראנק געווען.

— און דעם אויך געבאָדען — האָט געזאָגט א צווייטע פויערטע אָנ־ווייזענדיג אויף דעם זויג־קינד.

— ניין, ער איז ערשט דריי מאָנאט אלט — האָט מיט מוטערליכע גדלות געענטפערט דאריא אלעקסאנדראָוונא.

— אהא!

— זיינען ביי דיר אויך פאראן קינדער?

— געווען פיער, צוויי געבליעבען: א מיידעלע און א אינגעלע. ערשט ניט לאנג ענטוועהנט.

— און וויא אלט?

— דאָס צווייטע יאָהרעלע.

— פאר וואָס־זשע האָסט דו איהם אזוי לאנג געזויגען?

— ביי אונז איז מען אזוי געוועהנט.

און דער געשפרעך איז געווען דער אינטערעסאנטסטער פאר דאריא אלעקסאנדראָוונא: וויא זיא האָט געבוירען דאָס קינד? וואו איז דער מאן? איז דאָס קינד אָפט קראנק?

דאריא אלעקסאנדראָוונא האָט ניט געוואָלט צושיידען זיך מיט די פרויען, אזוי אינטערעסאנט איז פאר איהר געווען דאָס געשפרעך מיט זיי; איהרע און זייערע אינטערעסען זיינען געווען גלייך. אנגענעהמער פון אלעס איז געווען פאר דאריא אלעקסאנדראָוונא דאָס, וואָס זיא האָט קלאָהר געזעהען, וויא די אלע פרויען האָבען מעהר פון אלעס הנאה געהאט פון דעם, וואָס ביי איהר זיינען פיעל קינדער און זיי זיינען אלע שעהן. זיי האָבען איהר אָנגעמאכט פיעל געלעכטער אויך און האָבען דערמיט בעליידיגט די ענגלענדערקע, וועלכע האָט זיך בעליידיגט דערפאר וואָס זיא איז געווען די אורזאכע פון דעם געלעכטער, וועלכען זיא האָט ניט פערשטאנען. איינע פון די יונגע פרויען האָט זיך צוגעקוקט צו דער ענגלענדערין, וועלכע האָט זיך אנגעטאָהן שפּעטער פון אלע אנדערע, און ווען זיא האָט דערזעהען וויא זיא טהוט אָן אויף זיך די דריטע אונטערקלייד, האָט דאָס יונג ווייבעל זיך ניט געקאָנט איינהאלטען פון מאכען א בעמערקונג: „האָסט געזעהען, געדרעהט, געדרעהט און קאָן אלץ ניט ארויפדרעהען!“ — האָט זיא געזאָגט און אלע האָבען אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער.

.9

און ארומגערינגעלטע פון אלע זייטען מיט דיא אויסגעבאדענע קינדער מיט נאסע קעפלעך, אליין מיט א טיכעל אויפ'ן קאפ, איז דאריא אלעקסאנדראוונא שוין צוגעפאהרען צום הויז, ווען דער קוטשער האט איהר א זאג געטאהן: „עפעס א פריץ געהט; דוכט זיך דער פאקראווסקער."

דאריא אלעקסאנדראוונא האט א קוק געטאהן און האט זיך דערפרעהט דערזעהענדיג אין א גרויען מאנטעל און גרויער הוט דיא בעקאנטע פיגור פון קאנסטאנטין לעווין, וועלכער איז געגאנגען זיי אנטגעגען. זיא איז אימער געוועזען גערן איהם צו זעהען, נור איצט איז זיא בעזאנדערנס גערן געווען, וואס ער זעהט זיא אין גאנצען גלאנץ. קיינער האט בעסער פון לעווינען ניט געקאנט פערשטעהן איהר גרויסקייט.

דערזעהענדיג זיא איז איהם דאס אויסגעקומען צו זעהען איינע פון יענע בילדער, וועלכע האבען זיך פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע אלס בילדער פון פאמיליען-גליק, וויא ער האט זיך געוואונשען.

— איהר זייט דאך גאר אזוי, וויא א הוהן, וואס זיצט אויף דיא עופה'לעך, דאריא אלעקסאנדראוונא.

— אך, וויא מיך פרעהט! — האט זיא געזאגט דערלאנגענדיג איהם דיא האנד.

— אייך פרעהט, פון דעסטוועגען האט איהר פון זיך גאר ניט געלאזט וויסען. ביי מיר וואהנט איצט מיין ברודער. דאס האב איך פון סטיוועון בעקומען א צעטעלע, אז איהר זייט דא.

— פון כטיוועון? — האט א פערוואונדערטע א פרעג געטאהן דאריא אלעקסאנדראוונא.

— יא, ער שרייבט, אז איהר האט זיך אריבערגעקליבען צו לאנד און ער דיינקט, אז איהר וועט מיר ערלויבען צו העלפען אייך מיט וואס ניט איז ווען נויטיג — האט געזאגט לעווין, און זאגענדיג דאס איז ער געבליעבען אין פערלעגנהייט, האט איבערגעריסען זיינע רייד און איז געגאנגען לעבען דער פוהר, אב־רייסענדיג אויפ'ן וועג קנאספען פון דיא ליפאווע ביימער און איבערבייסענדיג זיי. געבליעבען אין פערלעגנהייט איז ער דערפון, וואס דאריא אלעקסאנדראוונא וועט אפשר ניט וועלען אננעהמען פון א פרעמדען מענש קיין הילף אין זאכען, וואס איהר מאן דארף טאהן. און אין אמת'ן איז איהר טאקע ניט געפעלען געוועזען אזא גאנג פון סטעפאן ארקאדיעוויטש אנצוהייגען אויף זייטיגע מענשען דיא זארג פון זיין פאמיליע און זיא האט גלייך פערשטאנען, אז לעווין פארשטעהט דאס אויך. פאר דער דאזיגער געפיהלבארקייט, פאר דעם דאזיגען איידעלען פאר שטעהן, האט דאריא אלעקסאנדראוונא געליעבט לעווינען.

— איך האב פערשטאנען, נאטירליך—האט געזאגט לעווין—אז דאס בע־דייט בלויז דאס, אז איהר ווילט מיך זעהען, און דאס פרעהט מיך זעהער. פאר־שטעהט זיך, איך שטעל זיך פאר, אז פאר אייך א שטאדטישער בעל־הבית'טע מוז

# אננא קארעני נא

דאָס אַלעס אויסקומען ווילד, איז אויב אייך איז עפּעס נויטיג בין איך בערייט אייך צו דינען.

— אַ, ניין — האָט געזאָגט דאָללי — דיא ערשטע צייט איז געוועזען שווערליך, איצט האָט זיך אָבער אַלעס איינגעאָרדענט. צו פערדאַנקען מיין אַלטע ניאַניא — האָט זיא געזאָגט אָנווייזענדיג אויף מאַטריאַנא פילימאָנאָווא, וועלכע האָט פערשטאַנען, אַז מען רעדט וועגען איהר און זיא האָט פרעהליך און פריינדליך צוגעשמייכעלט לעווינען. זיא האָט איהם געקענט און זיא האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ גוטער חתן פאַר דער פריילייין און זיא האָט געוואונשען, אַז דער שידוך זאָל געשעהען.

— ערלויבט צו זעצען זיך, מיר וועלען זיך דאָ אביסעל אַ דריק טאָהן — האָט זיא איהם געזאָגט.

— ניין, איך וועל זיך דורכגעהן. קינדער, ווער לויפט מיט מיר אין איבער־יאָגען דיא פערד?

דיא קינדער האָבען לעווינען זעהר ווייניג געקענט; זיי האָבען ניט גע־דיינקט, ווען זיי האָבען איהם געזעהען, אָבער זיי האָבען אין בעצוג צו איהם ניט געוויזען יענעם זאָנדערבארען געפיהל פון שעהמעוודיגייט און אָבשטויס, וועלכע קינדער פיהלען אזוי אָפט צו ערוואַקסענע, פאַרשטעלטע מענשען און פאַר וואָס זיי קומט אָפט אויס צוצולײדען. פאַרשטעלטקייט אין עפּעס קאָן אָבנאַרען דעם קליגס־טען, דורכדרינגענדסטען מענשען: אָבער אפילו אַ בעגרענצטעס קינד וועט דער־קענען פאַרשטעלטקייט, וויא קונציג דאָס זאָל ניט זיין פאַרדעקט, און איהם שטויסט דערפון אָב.

וועלכע חסרונות לעווין האָט ניט געהאַט, קיין פאַרשטעלטקייט איז אָבער אין איהם ניט געוועזען, און דאַרום האָבען קינדער געוויזען איהם פריינדשאַפט אויף דעמזעלבען אופן וויא זיי האָבען דאָס געפונען אין זייער מוטער׳ס געזיכט. אויף זיין איינלאַדונג זיינען דיא צוויי עלטערע אַראָבגעשפּרונגען פון פוהר צו איהם און האָבען מיט איהם געגומען לויפען איינפאַך, וויא זיי וואָלטען גלאָפען מיט זייער ניאַניע, מיט מיסס הול אָדער מיט זייער מאַמען. ליל האָט זיך אָנגעהויּ־בען בעטען צו איהם, און דיא מוטער האָט זיא איהם דערלאַנגט; ער האָט זיא ארויפגעזעצט אויף דיא אַקסלען און האָט גענומען לויפען מיט איהר.

— האָט קיין מורא ניט, האָט קיין מורא ניט, דאַריא אַלעקסאַנדראָווגא! האָט ער געזאָגט פרעהלאַך שמייכלענדיג צו דער מוטער — אונמעגליך, אַז זיא זאָל ביי מיר אַראָבפאַלען אָדער זאָל זיך אָבשלאָגען.

און קוקענדיג אויף זיינע פלינקע, געזונדע, פאָרזיכטיגע און זאָרגפול אַנ־געשטריינגטע בעוועגונגען, האָט זיך דיא מוטער בערוהיגט און האָט זיך פרעהליך געשמייכעלט, קוקענדיג אויף איהם. לויפענדיג מיט דיא קינדער האָט ער זיי אין דערזעלבער צייט געלערנט גימנאַסטיקע, האָט מיט זיין צוקאַלעטשעטער ענגלישער שפּראַך געמאַכט לאַכען דיא מיסס הולל און האָט דערצעהלט דאַריא אַלעקסאַנד־ראָוונא וועגען זיינע דאָרפישע בעשעפטיגונגען.

נאָך מיטאָג האָט דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא, זיצענדיג מיט איהם אַליין אויף דעם באַלקאָן, צורעדט זיך וועגען קיטין.

# אננא קארענינא

— ווייסט איהר? קיטי וועט דאָך אהער קומען און וועט מיט מיר דאָ פערברענגען דעם זומער.

— ווירקליך — האָט ער געזאָגט און האָט אויפגעפלאַמט. אָבער ער האָט באַלד א בייט געטאָהן דעם געשפּרעך און געזאָגט: — זאָל איך אייך שיקען צוויי קיה? אויב איהר ווילט מיט מיר פיהרען רעכענונגען ניט אַנדערש, וועט איהר אזוי גוט זיין מיר צאָהלען פינף רובעל א מאָנאַט. אויב אייער געוויסען וועט דאָס אייך ערלויבען.

— ניין, א דאַנק אייך, ביי אונז האָט זיך שוין אַלעס איינגעאָרדענט.

— נו, וועל איך א קוק טאָהן אויף אייערע בהמות און איך וועל אָנווייזען וויא מען זאָל זיי קאָרמענען; דער עיקר איז אין קאָרמענען.

און לעווין האָט אָנגעהויבען ערקלעהרען איהר דיא טהעאָריען פון מילך־ווירטהשאַפט, אַלץ כדי אָבצוציהען פון דעם געשפּרעך, וועלכען זיא האָט אָנגעהויבען וועגען קיטין. ער האָט געדערט און ערקלעהרט, אז א קוה איז בלויז אזא מאַשין, וואָס אַרבייט אויס פון קאָרמע מילך, א. ז. וו. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער ליידענשאַפטליך פערלאַנגט צו הערען דיא איינצעלהייטען וועגען קיטין — ער האָט דאָס פערלאַנגט און האָט אליין געציטערט דערפאַר. ער האָט מורא געהאַט, אז עס וועט צושטערט ווערן זיין רוהע, וועלכע ער האָט זיך ערוואָרבען מיט אזוי פיעל מיה.

— יא, אָבער וועגען דעם אַלעם דאַרף מען דאָך זאָרגען, מען דאַרף אַכטונג געבען אויף אַלעס, און ווער וועט דאָס טאָהן? — האָט געענטפערט ניט זעהר גערן דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא.

זיא האָט איצט איינגעריכט וויא עס איז איהר ווירטהשאַפט דורך מאַטריאָנא פילימאָנאָוונא, אז איהר האָט זיך קיין זאַך ניט געוואָלט ענדערען דעריין; דערצו האָט זיא ניט געגלויבט, אז לעווין איז דאָס אזא בריה אין לאַנד־ווירטהשאַפט. זיינע מיינונגען וועגען דעם, אז א קוה איז בלויז א מאַשין אויף אויסצואַרבייטען מילך פון קאָרמע, האָבען זיך איהר אויסגעוויזען פערדעכטיג. איהר האָט זיך געדוכט, אז אזעלכע געדאַנקען קאָנען נור שטערן אין א ווירטהשאַפט און אז אין א ווירטהשאַפט דאַרף מען ניט טראַכטען צופיעל און מען דאַרף נור איינפאַך וויא מאַטריאנא פילימאנאוונא געבען דער קוה מעהר וואָס צו עסען און צומישטע בריי צו טרינקען און אז דער קוכער זאָל דיא אָבפאַל פון קיך, ניט אוועקטראָגען פאַר דער וועשינס קוה. דאָס איז אַלץ איינפאַך און קלאָהר. אָבער הויפּטזעכליך האָט זיך איהר גאָר געוואָלט ריידען וועגען קיטי.

## .10

— קיטי שרייבט מיר, אז זיא פערלאנגט קיין זאך ניט אזוי וויא איינ־זאמקייט און רוהע — האט געזאגט דאללי, נאך דעם וויא זיי האבען ביידע א ווײלע געשוויגען.

— און וויא איז איהר געזונד, בעסער? — האט מיט צוטראגענהייט א פרעג געטאהן לעווין.

— דאנקען גאט, זיא איז שוין אין גאנצען געזונד. איך האב קיין מאהל ניט געלויבט זיא זאל ליידען פון א ברוסט־קראנקהייט.

— אך, וויא גערן איך בין ! —האט געזאגט לעווין, און עפעס ריהרענ־דעס אונבעהילפליכעס האט א שיין געטאהן פאר דאללי אין זיין פנים אין דער צייט וואס ער האט דאס געזאגט. ער האט שווייגענדיג געקוקט אויף איהר.

— הערט, קאנסטאנטין דמיטריטש — האט געזאגט דאריא אלעקסאנד־ראוונא שמייכלענדיג מיט איהר גוטען און אביסעל לאכעדיגען שמייכעל — פאר וואס זייט איהר בייז אויף קיטי ?

— איך ? איך בין ניט בייז — האט געזאגט לעווין.

— ניין, איהר זייט בייז. פאר וואס זייט איהר ניט פערפאהרען ניט צו אונז און ניט צו זיי, ווען איהר זייט דעם לעצטען מאהל געווען אין מאסקווע ?

— דאריא אלעקסאנדראוונא — האט ער געזאגט, רויט ווערענדיג ביז דיא ווארצלען פון זיינע האאר — איך וואונדער זיך וואס איהר, מיט אייער גוטס־קייט, פיהלט דאס ניט. וויא האט איהר איינפאך קיין מיטלייד ניט אויב איהר ווייסט....

— וואס ווייס איך ?

— איהר ווייסט, אז איך האב פארגעשלאגען און מען האט מיר ענטזאגט— האט געזאגט לעווין, און דיא גאנצע צערטליכקייט, וועלכע ער האט מיט א מינוט פריהער געפיהלט צו קיטי, האט זיך פערוואנדעלט אין זיין הארצען אויף א גע־פיהל פון בייזקייט פאר בעליידיגונג.

— פאר וואס־זשע דיינקט איהר, אז איך ווייס ?

— דערפאר ווייל אלע ווייסען דאס.

— דעריין מאכט איהר שוין א טעות ; איך האב דאס ניט געוואוסט, אב־וואהל איך האב געפרופט טרעפען.

— א ! נו, ווייסט איהר דאס איצט.

— איך האב געוואוסט בלויז דאס, אז צווישען אייך איז עפעס פארגע־קומען, וואס עס האט זיא זעהר געמאטערט, און אז זיא האט מיך געבעטען קיין מאל וועגען דעם ניט צו ריידען. און אויב זיא האט מיר ניט געזאגט, דאן איז דאס זיכער, אז זיא האט קיינעם ניט געזאגט. אבער וואס איז דאך צווישען אייך פארגעקומען ? זאגט מיר.

— איך האב אייך געזאגט.

— ווען איז דאס געווען ?

— ווען איך בין לעצטען מאל געווען ביי אייך.

# אננא קארענינא

— און ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען — האָט געזאָגט דאריא אלעקסאנדראָוונא — איך האָב אויף איהר שרעקליך רחמנות. איהר ליידעט בלויז איבער אייער שטאָלץ.

— עס קאָן זיין — האָט געזאָגט לעווין — אָבער...

זיא האָט איהם איבערגעשלאָגען.

— אָבער אויף איהר, אויף איהר איז טאקע אַ גרויסער רחמנות. איצט פארשטעה איך אלעס.

— נו, דאריא אלעקסאנדראָוונא, איהר מוזט מיר ענטשולדיגען — האָט ער געזאָגט אויפהויבענדיג זיך — זייט געזונד, דאריא אלעקסאנדראָוונא, אויף ווידערזעהען.

— ניין, ווארט — האָט זיא געזאָגט, אָנכאפּענדיג איהם פאר'ן ארבעל— ניין, ווארט, זעצט זיך.

— איך בעט אייך, איך בעט אייך, לאָמיר וועגען דעם ניט ריידען — האָט ער געזאָגט, זעצענדיג זיך און פיהלענדיג אין דערזעלבער צייט, אז ביי איהם אין הארצען ערוועקט זיך ווידער אמאָל יענע האָפנונג, וועלכע ער האָט שוין לאנג בעגראָבען.

— אויב איך וואָלט אייך ניט געליעבט — האָט געזאָגט דאריא אלעקסאנד־ראָוונא און טרעהרען האָבען זיך איהר געוויזען אין דיא אויגען — ווען איך וואָלט אייך ניט געקענט אזוי גוט וויא איך קען אייך...

און דאָס געפיהל, וואָס איז אין איהם שוין, דוכט זיך, געווען טויט האָט ווידער אויפגעלעבט אין לעווינס הארץ.

— יא, איצט האָב איך אלעס פערשטאנען — האָט פארטגעזעצט דאריא אלעקסאנדראָוונא — איהר קאָנט דאָס ניט פארשטעהן; פאר אייך, מאנסלייט, פרייע און אויסגעוועהלטע, איז אלע מאָהל קלאָהר ווען איהר ליעבט. אָבער א מיידעל, וועלכע איז בלויז אין דער לאגע פון ערווארטען א שידוך, מיט איהר מיידעלשע בעשיידענהייט און שעהמעוודיגקייט, א מיידעל, וועלכע זעהט אייך מענער בלויז פון וויטען און גלויבט אייך אויפ'ן ווארט — ביי א מיידעל קאָן אמאָל זיין א ניט קלאָהרער געפיהל, א געפיהל אז זיא ווייס ניט וואָס צו זאָגען.

— יא, אויב דאָס הארץ זאָגט ניט...

— ניין, דאָס הארץ זאָגט, אָבער איהר גיט נור א טראכט; איהר, מענער, ווען איהר האָט אויסזיכטען אויף א מיידעל, בעזוכט איהר איהר הויז, איהר קומט צו נעהנטער צו איהר, איהר קוקט זיך צו, ווארט אונטער, שפירט נאָך, צו וועט איהר געפינען דאָס, וואָס איהר ליעבט, און דערנאָך ווען איהר איבערציינט זיך, אז איהר ליעבט, מאכט איהר א פארשלאג.

— דאָס איז נאָך ניט אין גאנצען אזוי.

—גאנץ עגאל, אָבער איהר מאכט א פארשלאג, ווען אייער ליעבע איז רייף געוואָרען אָדער אז צווישען צוויי איז דער גורל געפאלען אויף איינער. און מיט א מיידעל איז דאָך דאָס אנדערש. מען וויל אז זיא זאָל אליין אויסוועהלען, אָבער זיא קאָן דאָך ניט, האָט ניט דיא מעגליכקייט צו וועהלען, און זיא ענט־פערט בלויז „יא“ אָדער „ניין“.

„יאַ, אַן אויסוואַהל צווישען מיר און ווראָנסקין“ — האָט אַ טראַכט געטאָהן לעווין און דער טויטער, וואָס האָט אָנגעהויבען אָבצולעבען אין זיין האַרצען איז ווידער געשטאָרבען און האָט נור מאַטערענדיג געדריקט זיין האַרץ.

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווגא — האָט ער געזאָגט — אַזוי קלייבט מען אַ קלייד אָדער איך ווייס וואָס פאַר אַ זאַך, וועלכע מען דאַרף איינהאַנדלען, אָבער ניט ליעבע. דער אויסוואַהל איז געמאַכט געוואָרען און טאַקע בעסער אַזוי... קיין ווידערהאָלונג קאָן דאָ ניט זיין.

— אַך, שטאָלץ און שטאָלץ! — האָט געזאָגט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונא, וויא זיא וואָלט איהם פעראַכטען פאַר דער נידריגקייט פון אַזאַ געפיהל אין פערגלייך מיט אַנדערע געפיהלען, וועלכע בלויז פרויען פיהלען. — אין דער צייט, ווען איהר האָט קיטין געמאַכט דעם פאָרשלאַג, איז זיא אַקוראַט געווען אין דעם צושטאַנד, ווען זיא האָט ניט געקאָנט ענטפערען. זיא האָט ניט געוואוסט קיין בעשטימטען געפיהל. זיא איז געווען ניט זיכער: איהר אָדער ווראָנסקי. איהם האָט זיא געזעהען יעדען טאָג, אייך האָט זיא שוין אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזעהען. נאַטירליך, ווען זיא וואָלט געווען עטוואָס עלטער... פאַר מיר, נאַטירליך, ווען איך וואָלט געווען אויף איהר פּלאַץ, וואָלט קיין צווייפעל ניט געקאָנט זיין. ער איז מיר אימער געווען אבשטויסענד, און אַזוי האָט זיך דאָס טאַקע אויסגעלאָזען.

לעווין האָט זיך איצט דערמאָנט קיטיס ווערטער. זיא האָט איהם דאַן געענטפערט: נ י י ן, ד אָ ס ק ע ן נ י ט ז י י ן...

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונא — האָט ער געזאָגט טרוקען — איך שעץ אייער פערטרויען צו מיר; איך מיין אָבער, אַז איהר מאַכט אַ טעות. אָבער צו בין איך גערעכט צו ניט, דער דאָזיגער שטאָלץ, וועלכען איהר פערהאַסט אַזוי, האָט געמאַכט, אַז פאַר מיר זאָל יעדער געדאַנק וועגען קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונא זיין אונמעגליך... איהר פאַרשטעהט, אין גאַנצען אונמעגליך.

— איך וועל נור נאָך איינס זאָגען: איהר פאַרשטעהט דאָך, אַז איך רייד וועגען אַ שוועסטער, וועלכע איך ליעב, וויא מיינע אייגענע קינדער. איך האָב ניט געזאָגט, אַז זיא האָט אייך געליעבט, איך האָב בלויז געוואָלט זאָגען, אַז איהר דעמאָלטדיגער ענטזאַגען בעווייזט גאָרנישט.

— איך ווייס ניט — האָט געזאָגט לעווין אויפשפּרינגענדיג — אויב איהר וואָלט וויסען, וויפיעל שמערץ איהר פעראורזאַכט מיר. אַלץ איינס וויא ווען בייא אייך וואָלט געשטאָרבען אַ קינד, און מען וואָלט אייך זאָגען: אָט אַזאַ וואָלט ער געווען, וואָלט ער געקאָנט לעבען און איהר וואָלט פון איהם הנאה האָבען. אָבער ער איז געשטאָרבען, געשטאָרבען, געשטאָרבען...

— וויא לעכערליך איהר זייט — האָט געזאָגט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונא, קוקענדיג אויף לעווינען מיט אַ טרויעריגען שמייכעל — יאַ, איצט פאַרשטעה איך אַלץ מעהר און מעהר — האָט זיא פאָרטגעזעצט אַ פערטראַכטע — וועט איהר צו אונז ניט קומען צופאָהרען, ווען קיטי וועט דאָ זיין?

— ניין, איך וועל ניט קומען. פאַרשטעהט זיך, איך וועל ניט אויסמיידען קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונא, אָבער, וואו איך וועל נור קענען, וועל איך זעהען צו בעפרייען זיא פון מיין אונאַנגענעהמע אַנוועזענהייט.

— איהר זייט זעהר, זעהר קאָמיש — האָט ווידערהאָלט דאַריאַ אַלעקסאַנד־

ראוונא, ארײנקוקענדיג מיט צערטליכקייט אין זיין פנים — נו, גוט, אזוי וויא מיר וואלטען גאר וועגען דעם קיין מאל ניט גערעדט. נאך וואס ביסט דוא ארײן אהער, טאניא? — האט געפרעגט דאריא אלעקסאנדראוונא אויף פראנצויזיש ביי דער ארײנגעקומענער טאניא.

— וואו איז מיין לאפעטקע, מאמא?

— איך רייד אויף פראנצויז, דארפסטו מיר ענטפערן אויך אזוי.

דיא מיידעלע האט געוואלט זאגען, אבער זיא האט זיך פארגעסען וויא מען רופט א לאפעטקע, אויף פראנצויז; דיא מוטער האט איהר אונטערגעזאגט און געזאגט איהר פאר איינס וואו זיא קאן דיא לאפעטקע געפינען. און לעווינען איז עפעס דערפון געווארען אונאנגענעהם.

אלעס האט איצט שוין איהם אין הויז פון דאריא אלעקסאנדראוונא ניט אויסגעזעהען אזוי ליעבליך וויא פריהער.

„און צו וואס רעדט זיא מיט דיא קינדער דוקא פראנצויז — האט ער א טראכט געטאהן — וויא אומנאטירליך און וויא פאלש דאס איז! און דיא קינדער פיהלען דאס אויך. אויסלעהרנען זיך ריידען אויף פראנצויז און אבגעוועהנען זיך פון אויפריכטיגקייט” — האט ער געטראכט פאר זיך אליין, ניט וויסענדיג, אז דאריא אלעקסאנדראוונא אליין האט דאס שוין אפשר צוואנציג מאהל איבערגעדיינקט, און פון דעסטוועגען ווען אפילו אויף דעם חשבון פון אויפריכטיגקייט, האט זיא געפונען פאר נויטיג צו לעהרנען איהרע קינדער אויף דעם אופן.

— אבער וואוהין איילט איהר זיך צו פאהרען? זיצט נאך אביסעל.

לעווין איז געבליבען ביז טהעע, נור דיא שמחה איז שוין פערשוואונדען און איהם איז געווען אונבעקוועם.

* * *

נאך טהעע איז ער ארויס אין פאדערצימער אום צו הייסען שפאנען דיא פערד, און ווען ער איז ארײן צוריק האט ער געטראפען דאריא אלעקסאנדראוונא א צוטראגענע, מיט אן אויפגערעגטען פנים און מיט טרעהרען אין דיא אויגען. אין דער ווײלע וואס לעווין איז ארויס, האט פאסירט עפעס פאר דאריא אלעקסאנדראוונא וואס האט פלוצלונג צושטערט איהר גאנצע שטאלץ און איהר גליק פון דיא קינדער: גרישא און טאניא האבען זיך צושלאגען פאר דער פילקע. דאריא אלעקסאנדראוונא האט דערהערט דאס געשריי אין קינדער־צימער, איז ארויסגעלאפען און האט זיי געפונען אין א שריקליכען צושטאנד: טאניא האט געהאלטען גרישא'ן פאר דיא האאר, און ער מיט א צוקרימטען פנים פון בייזקייט, האט זיא געשלאגען מיט'ן קולאק, וואו נור ער האט געטראפען. אין דאריא אלעקסאנדראוונאס הארץ האט זיך עפעס אבגעריסען, ווען זיא האט דאס דערזעהען: אזוי וויא א חושך וואלט זיך אנרוקען אויף איהר לעבען: זיא האט פערשטאנען, אז דיא דאזיגע קינדער איהרע, מיט וועלכע זיא האט אזוי שטאלצירט זיינען געווען ניט בלויז גאנץ אונגעוועהנליכע, נור זאגאר ניט קיין גוטע, שלעכט ערצויגענע קינדער, מיט גראבע, טהירישע נייגונגען, בייזע קינדער.

זיא האָט וועגען קיין אנדער זאַך ניט געקאָנט ניט ריידען און ניט טראַכטען און האָט ניט געקאָנט צוריקהאַלטען זיך פון צו דערצעהלען לעווינען וועגען איהר אונגליק.

לעווין האָט געזעהען, אַז זיא איז אונגליקליך, און ער האָט זיך געאיילט זיא צו טרויכטען, זאָגענדיג אַז דאָס איז נאָך קיין בעוויז ניט פון עפּעס שלעכטעס, אַז אַלע קינדער שלאָגען זיך; אָבער זאָגענדיג דאָס האָט לעווין ביי זיך אין הארצען געטראַכט: „ניין, איך וועל זיך ניט ברעכען און ריידען מיט מיינע קינדער דווקא אויף פראַנצויז; אָבער קינדער וועלען ביי מיר זיין ניט אַזעלכע; מען דאַרף בלויז ניט פערדאַרבען, ניט פערקריפּלען קינדער, און זיי וועלען זיין פּרעכטיג. יא, ביי מיר וועלען זיין ניט אַזעלכע קינדער.“

ער האָט גענומען אבשיעד און איז אַוועקגעפאָהרען, און זיא האָט איהם שוין מעהר ניט אויפגעהאַלטען.

11.

אין מיטען מאָנאַט יולי איז צו לעווינען געקומען דער סטאַראָסטא פון זיין שוועסטערס דאָרף, וועלכע געפינט זיך אַ וויאָרסט צוואַנציג פון פּאָקראָווסק מיט אַ בעריכט, וואו עס האַלט דאָרט מיט דעם היי־שניט. דיא הויפּט איינקונפט פון יענע גיטער איז געוועזען פון דיא פערפלייצטע לאָנקעס. אין דיא פריהעריגע יאָהרען פלעגען דיא פּויערים אליין צונעהמען דעם היי־שניט צו צוואַנציג רובעל פון דעסיאַטינע. ווען לעווין האָט אָבער גענומען דיא גיטער אין זיין אייגענער פערוואַלטונג, האָט ער בעקוקענדיג דיא היי־לאָנקעס, געפונען, אַז זיי זיינען ווערטה מעהר, און ער האָט בעשטימט דעם פּרייז צו 25 דאָלאַר פון דעסיאַטינע. דיא פּויערים האָבען דעם פּרייז ניט געגעבען, און וויא עס האָט זיך געדוכט לעווינען האָבען זיי נאָך אָבגעשלאָגען דיא איבריגע קויפער. דאַן איז לעווין אַליין אַוועקגעפאָהרען אהין און האָט איינגעאָרדענט מען זאָל אַראָבנעהמען דיא היי, טהיילווייז מיט געדונגענע אַרבייט און טהיילווייז דורך אָבגעבען אַ טהייל צו דיא פּויערים פאַר דער אַרבייט.

דיא אייגענע פּויערים האָבען געזעהען צו שטערען דעריין וויפיעל זיי האָבען נור געקאָנט, אָבער עס איז דאָך אַוועק אויף זיין שטייגער און אין דעם ערשטען יאָהר האָט דאָס שוין איינגעבראַכט דאָפּעלט אַזוי פיעל וויא פריהער. פאַר צוויי יאָהרען און פאַר־אַ־יאָהרען האָבען דיא פּויערים אויך אַזוי געזוכט ניט דערלאָזען דורכפיהרען זיין פּלאַן, אָבער דיא היי איז אַראָבגענומען געוואָרען אויף דעמזעלביגען אופן. היי־יאָהר האָבען שוין דיא פּויערים מיט איהם אָבגעמאַכט אַראָבצונעהמען דיא גאַנצע היי פאַר דעם פּרייז פון אַ דריט־חלק, ד. ה., אַ דריטעל פון היי זאָל קומען זיי פאַר'ן אַראָבנעהמען. דער סטאַראָסטא איז דאָס געקומען איהם בעריכטען, וויא דער היי־שניט געהט צו און וויא ער האָט געטהיילט

אין ער אַנוועזענהייט פֿון דעם קאַנטאָרשטשיק וויפיעל עס קומט דיא פֿויערים און וויפיעל דעם פֿריץ. בעריכטענדיג וועגען דער טהיילונג האָט דער סטאַראָסטא זיך עפּעס צופּלאַנטערט אין זיינע ענטפֿערס אויף לעווינס פֿראַגען, און לעווין האָט חושד געוועזן, אַז דער פֿויער נאַרט איהם דאָ, און אַז דיא טהיילונג האָט גע־מוזט געמאַכט ווערען ניט גאָר אָרדענטליך. ער האָט דארום בעשלאָסען אַליין אַרי־בערצופֿאָהרען און צוקוקען זיך וואָס דאָרט טהוט זיך.

קומענדיג צו מיטאג אין דאָרף האָט לעווין זיך אָבגעשטעלט ביי אַן אַלטען פֿויער, אַ גוטען פֿריינד, וועלכער איז געוועזן דער מאַן פֿון זיין ברודערס אַם. דער אַלטער פֿויער פֿאַרמאַניטש האָט מיט פֿרייד אויפֿגענומען לעווינען, האָט איהם געוויזען זיין ווירטהשאַפֿט, האָט איהם דערצעהלט וועגען זיינע ביענען. אָבער ווען לעווין האָט אָנגעהויבען איהם אויספֿרעגען וועגען דעם היי־שניט, האָט דער אַל־טער עפּעס ניט גערען געענטפֿערט, וואָס האָט לעווינען נאָך מעהר איבערצייגט, אַז דאָ איז עפּעס בעגאַנגען געוואָרען אַ פֿאַלשקייט געגען איהם.

לויט דעם סטאַראָסטאס ווערטער איז דיא היי צוטהיילט געוואָרען לויט וועגען, צו 50 וועגען היי אין אַ סטאָג. לעווין האָט געהייסען צונעהמען איין סטאָג און אויף וועגען אַריינפֿיהרען אין שפּייכלער. עס האָט זיך געוויזען, אַז פֿון אַ סטאָג זיינען מעהר ניט געוועזן וויא 32 וועגען היי. דיא פֿויערים האָבען גע־טענה׳ט, אַז דיא טהיילונג איז צוגעגאַנגען עהרליך, מיט גאָט אין הארצען, נור דיא היי האָט זיך דאָס אַזוי איינגעליגט און איינגעפּרעסט, אַז עס פֿערנעהמט איצט וויינינגער וועגען. דאָס האָט אָבער אויף לעווינען ניט געווירקט. און ער האָט ערקלעהרט, אַז אָהן איהם האָט מען ניט געדאַרפֿט טהיילען און אַזוי וויא מען האָט דאָס געטאָהן אָהן איהם אַנערקענט ער ניט דיא טהיילונג.

נאָך לאַנגע סכסוכים איז געבליבען, אַז דיא פֿויערים זאָלען צונעהמען דיא עלף סטאָגעס פֿאַר זיך לויט זייער חשבון, אַז דאָ איז 50 וועגען אין יעדען סטאָג, און פֿאַר׳ן פֿריץ זאָלען זיי אַראָבנעהמען זיינע צוויי חלקים היי פֿון דיא פֿעלדער. דיא פֿיהרונג, דיא סכסוכים און דיא טהיילונג האָט פֿאַרנומען ביז שפּעט נאָך האַל־בען טאָג און ווען אַלעס איז שוין געוועזן איינגעאָרדענט, האָט זיך לעווין צוגע־זעצט און בעטראַכט פֿון ווייטען דיא היי־פֿעלדער, אויף וועלכע עס האָט געקאָכט און געזאָטען פֿון מענשען מיט זייער אַרבייט.

— אין דער צייט פֿון גוטען וועטער וועט מען דאָס אַראָבנעהמען! היי וועט שוין זיין! — האָט געזאָגט דער אַלטער פֿויער צוזעצענדיג זיך לעבען לעווי־נען — עפּעס גאָר אַזוי וויא ניט קיין היי! אַזוי וויא קערנער פֿאַר ענטלעך צושאַ־טען, און וויא זיי קלייבען דאָס אויף ביז איין קערענדעל! — האָט ער אָנגעוויזען אויף דיא צופֿיהרטע בערגלעך היי — זינט נאָך מיטאָג האָבען זיי שוין אַ העלפֿט אַראָבגעפֿיהרט.

— וואָס איז דאָס, שוין דער לעצטער וואָגען? — האָט ער אַ געשריי גע־טאָהן אויף אַ יונגען, וועלכער איז פֿאַרבייגעפֿאָהרען שטעהענדיג אויף דעם קעסטעל אין פֿראָנט פֿון וואָגען און דרעהענדיג מיט דיא שטריקענע לייצעס, פֿער־בייפֿאָהרענדיג.

— דער לעצטער, טאַטעלע! — האָט אַ געשריי געטאָהן דער יונגער, אָב־

# אננא קארעונינא

האלטענדיג דעם פערד און האט זיך מיט א שמייכעל אומגעקוקט אויף א פרעהלי־כער, אויך שמייכלענדער רויטער ווייבעל, וועלכע איז געזעסען לעבען איהם אויפ'ן קעסטעל פון וואגען, און ער האט א טריב געטאהן דיא פערד וויטער.
— ווער איז דער דאזיגער? א זוהן? — האט א פרעג געטאהן לעווין.
— מיין יונגעטשקער — האט מיט א צערטליכען שמייכעל געזאגט דער אלטער.
— א ווייל'ער יונג!
— נישט־קשה.
— שוין פערהייראטה?
— יא, שוין דאס פערטע יאהר, פון פיליפאווקי.
— זיינען שוין קינדער אויך פאראן?
— וועלכע קינדער! האט א גאנצען יאהר גארנישט פארשטאנען, מיר מאכען איהם איצט שעהמען זיך — האט געענטפערט דער אלטער — אי, היי!
דיא פרויען מיט זייער געזאנג זיינען צוגעקומען נאהענט צו לעווינען, און איהם האט זיך געדוכט, אז א וואלקען־שטורעם מיט א דונער פון פרייד רוקט זיך דאס אן אויף איהם. דער וואלקען האט זיך אנגערוקט, האט איהם פערכאפט, און דאס בערגעל היי און דיא וועגען, און דיא גאנצע לאנקע מיט'ן ווייטען פעלד — אלעס האט זיך צואווויגט אונטער דער גלייכמעסיגקייט פון דעם דאזיגען ווילדען, איבער־פרעהליכען געזאנג מיט צופייפען און צוגעשרייען.
לעווין האט אנגעהויבען מקנא זיין דיא דאזיגע געזונדע פרייד, איהם האט זיך געוואלט אויך אנטהייל נעהמען אין דעם אויסדרוק פון לעבענס־פרייד. אבער ער האט קיין זאך ניט געקאנט טאהן און האט געדארפט ליגען און קוקען, און הערען. ווען דאס פאלק איז שוין פערשוואונדען ווייט מיט'ן געזאנג, האט לעווינען אנגעכאפט א שווערער געפיהל פון עלענדקייט, פון גארנישט טאהן.
אייניגע פון דיזעלביגע פויערים, וועלכע האבען מעהר פון אנדערע גע־האמפערט זיך מיט איהם פאר דיא היי, זיינען איצט פערבייגעגאנגען און האבען איהם מונטער און גוטמוטהיג געגריסט, און עס איז קענטיג געוועזן, אז זיי פיהלען צו איהם קיין שלעכטעס ניט און האבען ניט קיין געפיהל פון חרטה אדער געוויי־סענסביסע, פאר וואס זיי האבען איהם געוואלט אבנארען. אלעס פריהערדיגע איז פערטרונקען געווארען אין דעם ים פון פרעהליכע, געמיינשאפטליכע ארבייט. גאט האט געגעבען א טאג, גאט האט געגעבען קרעפטען. און דער טאג און דיא קרעפטען זיינען געוועזן געווידמעט דער ארבייט, און אין דער ארבייט גופא איז דיא בעלוינונג. און פאר וועמען דיא ארבייט איז? וואס פאר א פריכטע דיא ארבייט וועט ברייגען? דאס זיינען שוין זייטיגע חשבונות און ניט וויכטיגע.
לעווין פלעגט אפט הנאה האבען קוקענדיג אויף דעם דאזיגען לעבען; ער האט אפט געשפירט א געפיהל פון בענײדונג צו מענשען, וואס לעבען אזא לעבען, אבער היינט האט ער דאס ערשטע מאהל, בעזאנדערנס אונטער דעם איינדרוק וואס ער האט בעקומען פון דיא בעציהונגען פון איוואן פאראטאניטש צו זיין יונגער פרוי, איז לעווין צום ערשטען מאהל געקומען דער געדאנק אין זינען, אז פון איהם אליין העננגט דאך אב צו ענדערן זיין לײדיג־געהענדען, שווערען, געקינ־

צעלטען און פערזענליכען לעבען און אָנהויבען אזא לעבען וויא דער דאָזיגער, וועלכען ערהאָט איצט מקנא געוועזן, א געזונדרען ארבייטזאמען, ריינעם געמיינשאפטליכען, פרעכטיגען לעבען.

דער אלטער, וועלכער איז געזעסען מיט איהם צוזאמען, איז שוין לאנג אוועק אהיים ; דאָס פאָלק איז זיך שוין לאנג צוגאנגען. דיא נאָהענטע זיינען זיך צופאָהרען אהיים און דיא וואָס האָבען ווייט געוואָהנט האָבען זיך צונויפגעזאמעלט צו פארטיג מאכען זיך עסען און נאכט־לעגער אויפ'ן לאנקע. ניט בעמערקטער פון דיא פויערים איז ער אזוי געבליעבען ליגען אויף דיא היי און האָט געקוקט, געהערט און געטראכט. דיא פויערים, וואָס זיינען געבליבען נעכטיגען אויפ'ן פעלד, האָבען ניט געשלאָפען כמעט א גאנצע קורצע זומער־נאכט. פריהער האָט זיך געהערט אלגעמיינער, פרעהליכער שמועס און געלעכטער ביי'ם עסען דעם אבענד מאָהלצייט, און דערנאָך האָבען זיך וויעדער אָנגעהויבען געזאנג און געלעכטער.

דער גאנצער לאנגער ארבייטס־טאָג האָט אין זיי ניט איבערגעלאָזען קיין אנדער סליאד אויסער פרייד. פארטאָג איז אלץ שטיל, איינגעשוויגען געוואָרען. עס האָבען זיך בלויז געהערט דיא נעכטליכע קולות פון דיא ליוהאשקעס אין בלאָטע, וועלכע ווערן קיין מאָהל ניט אנשוויגען, און פון דיא פערד, וועלכע האָבען געפארשקעט אויפ'ן לאנקע מיט זייערע נאָז־לעכער אין דעם טומאן, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען פאר טאָג. לעווין האָט זיך אויפגעכאפט, איז געקומען צו זיך, איז אויפגעשטאנען פון דעם בערגעל היי, און בעקוקענדיג דיא שטערען האָט ער פערשטאנען, אז דיא נאכט איז שוין אריבער.

„וואָס זשע וועל איך טאָהן, און וויא וועל איך עס טאָהן ?“ האָט זיך געזאָגט לעווין, וועלענדיג פאר זיך אליין אויסדריקען אלעס דאָס, וואָס ער האָט דורכגעטראכט און דורכגעפיהלט אין דער דאָזיגער קורצער נאכט. אלעס וואָס ער האָט דורכגעטראכט און דורכגעפיהלט האָט זיך איינגעטהיילט אין דריי בעזונדערע געדאנקען־גאנגען. איין געדאנק — אָבצוזאָגען זיך פון זיין אלטען מין לעבען, פון זיין בילדונג, וועלכע טויג צו גאָרנישט. אָבצושטעהן דערפון איז פאר איהם געוועזען לייכט און איינפאך און פאר איהם וועט דאָס זיין א תענוג. דיא צווייטע געדאנקען און פאָרשטעלונגען זיינען שוין געוועזען נוגע דעם לעבען, וועלכען ער האָט געוואָלט אָנהויבען פיהרען איצט. דיא איינפאכקייט, ריינקייט און געזעצליכקייט פון אזא לעבען האָט ער קלאָהר געפיהלט און ער איז געוועזען איבערצייגט, אז ער וועט אין אזא לעבען געפינען יענע בעפריעדיגונג, בערוהיגונג און ווירדע, וואָס ער האָט אזוי קריינקליך געפיהלט, אז איצט פעהלט דאָס איהם.

אָבער דיא דריטע רייהע פון געדאנקען האָט זיך געדרעהט ארום דער פראגע, וויא מאכט מען דעם איבערגאנג פון'ם אלטען לעבען אין דעם נייעם. און דאָ האָט זיך שוין איהם קיין קלאָהרעס ניט פאָרגעשטעלט : „האָבען א פרוי. האָבען ארבייט און דיא נויטיגקייט צו ארבייטען. פערלאָזען פאָקראָווסקאָיע ? קויפען ערד ? ארייננשרייבען זיך אין דער געמיינדע ? הייראטען מיט א פויערטע ? וויא זשע וועל איך דאָס אלעס מאכען ? — האָט ער זיך וויעדער געפרעגט און האָט ניט געפונען קיין ענטפער — איבעריגענס, איך האָב דיא גאנצע נאכט ניט גע־

# אננא קארענינא

שלאָפען און איך קען ניט געפינען פאר זיך קיין קלאָהרען ענטפער — האָט ער זיךגעזאָגט — איך וועל זיך דאָס שפּעטער קלאָהר מאכען. איין זאך איז זיבער, אז דיא דאָזיגע נאכט האָט ענטשיעדען מיין שיקזאל. אלע מיינע פריהערדיגע פאנ־טאזיען פון פאמיליען־לעבען זיינען געווען נאריש, ניט דאָס — האָט ער זיך גע־זאָגט — דאָס אלעס איז פיעל איינפאכער און בעסער..."

„וויא שעהן! — האָט ער א טראכט געטאָהן, קוקענדיג אויף דער זאָנ־דערבארער, וויא א פערלמוטערנע, האלבע־שאָל פון ווייסע קרויזע־וואָלקענדלעך, וואָס האָט זיך אָנגעשטעלט אויפ'ן רעכטען מיטען הימעל איבער זיין קאָפּ — וויא אלעס איז שעהן אין דער דאָזיגער פּרעכטיגער נאכט! און ווען האָט דאָס דיא דאָזיגע האלבע־שאָל בעוויזען צו בילדען זיך? ערשט ניט לאנג האָב איך געקוקט אויפ'ן הימעל, און עס האָט זיך אויף איהם קיין זאך ניט געזעהען, בלויז צוויי ווייסע שטרייפען. יא, אזוי אונבעמערקט האָבען זיך אייך געענדערט מיינע אנשויאונגען אויפ'ן לעבען!"

ער איז ארויס פון לאָנקע און איז אוועק איבער'ן גרויסען וועג צום דאָרף. עס האָט זיך אויפגעהויבען א ווינטעל און עס איז געוואָרען גרוי, טרויעריג. א ווײַלע פון פייכטען, דונקעלען וועטער איז אָנגעקומען, וועלכע קומט געוועהנליך פאָר טאָג־ווערן, דער פולער זיעג פון'ם ליכט איבער דער פינסטערקייט.

דריקענדיג זיך פון קעלט, איז לעווין געגאנגען שנעל, קוקענדיג צו דער ערד. „ווער איז דאָס? עמיצער פאָהרט" — האָט ער א טראכט געטאָהן, דערהע־רענדיג גלעקלעך, און ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. א טריט פערציג פון איהם, איהם אנטגעגען, אויף דעם גרויסען וועג, אויף וועלכען ער איז געגאנגען, איז געפאָהרען א קארעטע. אין פיער געשפּאנט. דיא פּאָאר פערד ביי'ם דישעל האָבען זיך געשטויסען פון איינגעפּראָרענעם וועג אויפ'ן דישעל, אָבער דער בריה'שדיגער פּוהרמאן, וואָס איז געזעסען מיט א זייט אויף דיא קאָזעלס, האָט געקירעוועט מיט'ן דישעל אין דעם אויסגעפּראָרענעם וועג, אזוי אז דיא רעדער זיינען גע־פאָהרען אויף דעם גלאטען טהייל.

נור־וואָס לעווין האָט דאָס בעמערקט און ניט דיינקענדיג אפילו וועגען דעם ווער דאָס קאָנען זיין האָט ער א פערטראכטער א קוק געטאָהן אין קארעטע.

אינוויינניג אין קארעטע האָט אין א ווינקעל געדרעמעלט אן אלטינקע, און ביי'ם פענסטער, קענטיג נור וואָס אן אויפגעוואכטע פון שלאָף, איז געזעסען א יונג מיידעל, האלטענדיג זיך מיט ביידע הענד פאר דיא שטיינגעס פון איהר ווייסען הויב, א ליכטיגע און פערטראכטע, דורכאויס אן ערפילעטע מיט קינסט־לערישעשעהנעם און פיעלפאכען אינערליכען לעבען, וואָס איז גאנץ פרעמד פאר לעווינען, האָט זיא געקוקט איבער איהם אויף דעם פריה־מאָרגען פון זונן־אויפ־גאנג.

אין דעמזעלבען אויגענבליק וויא דאָס דאָזיגע בילד איז פערשוואונדען, האָבען דיא ווארהייטליכע אויגען א קוק געטאָהן אויף איהם. זיא האָט איהם דער־קענט און א פערוואונדערונגס־שמחה האָט בעלויכטען איהר פנים.

ער האָט ניט געקאָנט מאכען קיין טעות. נור איינע אויף דער וועלט זיינען געווען דיא דאָזיגע אויגען. נור איין וועזען איז געווען אויף דער וועלט, וועלכע

האָט געקאָנט קאָנצענטרירען אין איין פּונקט די גאַנצע וועלט און דעם זינען פון לעבען. דאָס איז געווען זיא. דאָס איז געווען קיטי. ער האָט פערשטאַנען, אז זיא איז געפאָהרען פון אייזענבאַהן־סטאַציאָן קיין יערגושאווא. און אַלעס, וואָס האָט אויפגערעגט לעווינען אין דער דאָזיגער שלאָפלאָזע נאַכט, אלע בעשליסע, וועלכע ער האָט געפאַסט — אלעס איז פּלוצלונג פערשוואונדען. מיט אָבשטויס האָט ער זיך דערמאָהנט וועגען זיינע חלומות צו הייראַטען גאָר מיט א פויערטע. בלויז דאָרט, אין יענער שנעל פערבייפאָהרענדער קאַרעטע, וועלכע איז אריבערגעפאָהרען אויף דער צווייטער זייט וועג און דערווייטערט זיך — בלויז דאָרט איז געווען די מעגליכקייט צו ענטשיידען די רעטטעניש פון זיין לעבען, וואָס האָט איהם אזוי געמאַטערט אין דער לעצטער צייט.

זיא האָט מעהר ניט ארויסגעקוקט. די קלאַנגען פון די רעססאָרען האָבען זיך שוין מעהר ניט געזעהען, קוים, קוים וואָס האָבען זיך נאָך געהערט די גלעקלעך. דאָס בילען פון הינד האָט געוויזען, אז די קאַרעטע איז שוין דורכגעפאָהרען דורכ'ן דאָרף — און עס זיינען געבליבען ארום פוסטע פעלדער, פאַראויס דאָס דאָרף און ער אליין, אן עלענדער, אלעמען א פרעמדער, עלענד געהענדיג אויף דעם פערלאָזענעם גרויסען וועג.

ער האָט א קוק געטאָהן אויפ'ן הימעל, האָפענדיג צו געפינען דאָרט די פערלמוטערנע האַלב־שאָל, פון וועלכער ער האָט הנאה געהאַט און וועלכע האָט פאַר איהם אָבגעבילדעט דעם גאַנצען גאַנג פון זיינע געדאַנקען און געפיהלען אין דער דאָזיגער נאַכט. דאָרט אין דער אונגרייכבאַרער הויכקייט, איז שוין געשעהן א געהיימניספולע ענדערונג. עס איז קיין סליאַד ניט געווען פון'ם האַלב־שאָל און עס איז געווען א גלייכער, צושפּרייטער טעפּיך אויף א גאַנצע העלפט פון הימעל, א טעפּיך פון אלץ דראָבנערע און דראָבנערע שעפּסלעך. דער הימעל איז געוואָרען בלוי און צולויכטען און האָט מיט דערזעלביגער צערטליכקייט און מיט דערזעלביגער אונדערגרייכטקייט געענטפערט אויף זיין פראַגענדען בליק.

„ניין — האָט ער זיך געזאָגט — וויא גוט עס זאָל ניט זיין דאָס דאָזיגע לעבען, איינפאַך און ארבייטזאַם, אָבער איך קאָן ניט אומקעהרען זיך צו אזא לעבען. איך ליעב ז י א.“

## .13

קיינער, אויסער די גאַנץ נאָהענטע מענשען, האָט ניט געוואוסט, אז אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש, דער דאָזיגער קאַלטסטער און בעטראַכטער מענש, האָט געהאַט איין שוואַכקייט, וואָס איז געווען א היפּוך פון זיין גאַנצען כאַראַקטער: אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש האָט ניט געקאָנט גלייכגילטיג זעהען טרעהרען פון א קינד אָדער א פרוי. דאָס אנזעהען פון טרעהרען האָט איהם צומישט און

געבראַכט אין אזאַ צוטומעלטען צושטאַנד, אז ער פלעגט פערלירען דיא פעהיגקייט נאָכצודיינקען, בעטראַכטען.

דער פערוואלטער פון זיין קאַנצעלאַריע און זיין סעקרעטאר האָבען דאָס געוואוסט, און פלעגען אָנזאָגען דיא, וועלכע עס פלעגען קומען מיט ביטעס, אז זיי זאָלען ניט וואגען צו וויינען, אויב זיי ווילען ניט פערדארבען דיא גאַנצע אַנגעלעגענהייט וועגען וואָס זייער בקשה איז. „ער וועט אין כעס ווערן און וועט מעהר שוין ניט הערען וואָס איהר רעדט" — פלעגען זיי אָנזאָגען דיא בעטער. און ווירקליך אין אזעלכע פעלע האָט זיך אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשעס צומישונג איבער דער ווירקונג פון טהרערען אויסגעדריקט אין א האַסטיגען כעס. „איך קאָן קיין זאך ניט טאָהן, זייט אזוי גוט און געהט ארויס !— האָט ער א געשריי געטאָהן געוועהנליך אין אזאַ פאַל.

ווען אומקעהרענדיג זיך פון דיא רייסעס, האָט אננא איהם ערקלעהרט וועגען איהרע בעציהונגען צו ווראנסקי און האָט באלד נאָך דעם, פארדעקענדיג מיט דיא הענד דעם פנים, זיך צואוויינט, האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז געווען אויף איהר אזוי בייז, דערפיהלט אין דער זעלבער צייט יענע גייסטיגע צומישונג, וועלכע טהרערען האָבען אין איהם אימער ארויסגערופען. וויסענדיג דאָס און זיך ניט צוגעפאַסט צו דער לאַגע, האָט ער גע־זוכט איינצוהאַלטען אין זיך יעדען צייכען פון לעבען און ער האָט דארום זיך קיין ריהר ניט געטאָהן און האָט ניט געקוקט אויף איהר. דערפון איז דאָס ארויסגעקומען יענער זאָנדערבארער אויסדרוק פון טויטקייט אויף זיין פנים, וואָס האָט אזוי איבערראַשט אננא'ן.

ווען זיי זיינען צוגעפאָהרען צום הויז, האָט ער זיא ארויסגעזעצט פון קאַרעטע, און מאַכענדיג איבער זיך אן אנשטריינגונג, האָט ער מיט דער געוועהנליכער העפליכקייט גענומען פון איהר אָבשיעד און האָט ארויסגערעדט יענע ווערטער, וועלכע האָבען איהם צו קיין זאך ניט פערפפליכטעט ; ער האָט געזאָגט, אז מאָרגען וועט ער איהר לאָזען וויסען זיין בעשלוס.

זיין פרוי'ס ענטפער, וועלכע האָבען בעשטעטיגט דעם ערגסטען צווייפעל וואָס איז געווען ביי איהם אין הארצען, האָבען פעראורזאכט א שאַרפען ווייטאָג אין אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשס הארץ. דער דאָזיגער ווייטאָג איז נאָך שמערצליכער געוואָרען דורך דעם זאָנדערבארען געפיהל פון פיזישען רחמנות אויף איהר, וואָס איז ערוועקט געוואָרען אין איהם דורך איהרע טהרערען. אָבער בלייבענדיג אליין אין קארעטע, האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש צו זיין פערוואונדערונג און צו זיין פרייד דערפיהלט וויא ער איז אין גאַנצען בעפרייט געוואָרען פון דעם דאָזיגען רחמנות און פון דעם צווייפעל, וואָס האָט איהם געמאַטערט אין דער לעצטער צייט, פון דיא יסורים פון אייפערזוכט.

ער האָט געפיהלט דאָס וואָס א מענש פיהלט, ווען ער רייסט ארויס א קראַנקען צאָהן. נאָך דעם שרעקליכען ווייטאָג און דעם געפיהל פון עטוואָס שרעקליכעס, וואָס איז גרעסער פון'ם קאָפּ, און איז ארויסגעשלעפּט געוואָרען פון באַקביין, גלויבט זיך דעם קראַנקען ניט אין זיין גליק, אז עס עקזיסטירט שוין מעהר ניט דאָס וואָס עס האָט פערגיפטעט זיין לעבען, האָט צוגעשמידט זיין אויפ־

מערקזאמקייט און אז ער קאָן ווידער לעבען, דיינקען אונאינטערעסירען זיך ניט בלויז מיט זיין צאָהן אליין. דאָס דאָזיגע געפיהל האָט געהאט אויך איצט אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש.

„אָהן עהרע, אָהן א הארץ, אָהן רעליגיאָן, א פערדאָרבענע פרויענצימער! דאָס האָב איך אַלע מאָל געוואוסט און אַלע מאָל געזעהען, הגם איך האָב געזוכט זיך אליין אָבצונארען, האָבענדיג רחמנות אויף איהר" — האָט ער זיך געזאָגט. און איהם האָט זיך ווירקליך געדוכט, אז ער האָט דאָס אלע מאָהל געזעהען: ער האָט זיך דערמאָנט אויף דיא איינצעלהייטען פון זיין פערגאנגענעם לעבען, וואָס פריהער האָט איהם גאָר ניט אויסגעזעהען דאָס זאָל זיין אזוי פערדאָרבען; איצט האָבען דיא דאָזיגע איינצעלהייטען איהם קלאָהר בעוויזען, אז זיא איז אייגענטליך אַלע מאָל געווען א פערדאָרבענע. „איך האָב געמאכט א טעות וואָס איך האָב מיין לעבען פערבונדען מיט איהר. אָבער אין מיין טעות איז ניטאָ קיין שלעכטעס, און דארום האָב איך ניט וואָס אונגליקליך צו זיין. שולדיג אין דעם בין ניט איך, נור זיא — האָט ער זיך געזאָגט — אָבער וואָס געהט מיך אָן וועגען איהר. זיא עקזיסטירט מעהר פאַר מיר ניט."

איהם האָט אויפגעהערט צו אינטערעסירען אַלעס, וואָס עס קאָן ווערען פון איהר און פון זיין זוהן, צו וועלכען זיינע געפיהלען האָבען זיך געביטען וויא צו איהר. איין זאַך האָט איהם איצט בעשעפטיגט, און דאָס איז דיא פראגע, וויא אויף דעם בעסטען אופן צו מאכען אַלעס אזוי, אז עס זאָל פאַר איהם זיין וואָס בעקוועמער, וואָס אַנשטענדיגער, וואָס פאסיגער. ער דארף דארום אראָבטרויסלען פון זיך דיא גאנצע שמוץ, מיט וועלכע זיא האָט איהם פערשפריצט מיט איהר פאלען, און דאַן געהן אויף זיין שטענדיגען וועג, אויף דעם וועג פון וויכטיגע טהעטיגקייט, פון אַן עהרליכען און נוצליכען לעבען.

„איך קאָן דאָך ניט זיין אונגליקליך דערפאַר, ווייל אַ פערעכטליכע פרויענצימער איז בעגאנגען אַ פערברעכען; איך דארף בלויז געפינען דעם בעסטען אויסגאנג פון יענער שווערער לאגע, אין וועלכער זיא שטעלט מיך אוועק. און איך וועל געפינען אַן אויסגאנג — האָט ער זיך געזאָגט אָנוואָלקינדיג זיך אַלץ מעהר און מעהר — ניט איך בין דער ערשטער, ניט איך בין דער לעצטער."

אין דער פאָרשטעלונג פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָבען איצט אויפגעטויכט גאנצע רייהען פון אונטרייע ווייבער, וועלכע זיינען פאלש געווען צו זייערע מענער אין דיא העכערע קרייזען פון דער געזעלשאפט, אָנהויבענדיג פון דיא היסטאָרישע ביישפיעלע, וועלכע אַלע געדיינקען, וויא דיא שעהנע העלענע און מענעלעאס, און אויסלאָזענדיג מיט דיא לעצטע: „דאליאנאָוו, פאלטאוווסקי, פירסט קאריבאנאָוו, גראף פאסקודין, דראם... יא, יא, און דראם... אזא עהרליכער. אזא בראווער מאַן... סעמיאָנאָוו, טשאגין, סיגאנין — האָט זיך אַלץ דערמאָנט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש — אמת, עפּעס א מין אונפערדינטער חוזק פאלט אויף דיא דאָזיגע מענער. אָבער איך האָב גאָר קיין מאָל ניט געזעהען דעריין קיין אנדער זאַך, וויא בלויז אונגליק און האָב תמיד מיטגעפיהלט" — האָט זיך געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש, אָבוואָהל דאָס איז ניט געווען אמת און ער האָט אין דער ווירקליכקייט קיין מאָהל ניט מיטגעפיהלט אין אזעלכע אונגליקען.

פארקעהרט, ער האט אימער זיך אלץ העכער געשעצט, וואס אפטער עס האבען געטראפען דיא ביישפיעלע פון פרויען, וועלכע ווערען אונטריי זייערע מענער.

„דאס איז אן אונגליק, וואס קאן טרעפען יעדען. און דאס דאזיגע אונ־גליק האט איצט איהם געטראפען. דער עיקר איז בלויז ווי אריבערצוטראגען אויפ'ן בעסטען אופן אזא לאגע" — האט ער זיך געטראכט. און ער האט אנגעהויבען אי־בערצוטראכטען אין זיין זכרון וויא עס האבען געהאנדעלט דיא דאזיגע אלע מע־נער, וועלכע האבען זיך איינגעפונען אויך אין אזא לאגע, וויא ער.

„דאריאנאוו האט געקעמפפט אין א דועל..."

יונגערהייט האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש בעזאנדער פיעל געטראכט וועגען דער בעדייטונג פון דועל, און נעמליך דערפאר, ווייל פיזיש איז ער געווען ניט קיין כוואט און ער האט דאס געוואוסט גאנץ גוט. אלעקסיי אלעקסאנדרא־וויטש האט ניט געקאנט טראכטען וועגען א פיסטאלעט, וואס איז אויסגעשטעלט געגען איהם און ער זאל זיך ניט שרעקען דערביי, און ער וואלט אויך זיין לעבען קיין מאהל קיין וואפען ניט געברויכט.

דער דאזיגער שרעק פאר וואפען האט איהם בעוועגט אין דער יוגענד אפט צו טראכטען וועגען דועלען און אנמעסטען אויף זיך דיא לאגע, ווען מען דארף שטעלען דעם לעבען אין קאן. דערנאך ווען ער האט עררייכט אן ערפאלג און א הויכע שטעלונג אין לעבען, האט ער לאנג פערגעסען וועגען יענעם געפיהל. אבער דיא געוואוהנהייט פון'ם געפיהל האט גענומען דאס איהריגע און דער שרעק פאר זיין פייגהייט האט איהם אזוי שטארק אנגעכאפט, אז אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט לאנג און אלזייטיג בעטראכט דיא פראגע וועגען א דועל, אבוואהל ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז אונטער קיינע אומשטענדען וועט ער ניט געהן דועלירען.

„עס איז קיין ספק ניט, אז אונזער געזעלשאפט איז נאך אזוי ווילד (ניט אזוי וויא עס איז דער פאל אין ענגלאנד) אז פיעלע וועלען א קוק טאהן אויף א דועל פון דער גוטער זייט, אבער וואס פאר א רעזולטאט וועט דערמיט עררייכט ווערען? לאמיר רעכענען, אז איך וועל איהם ארויסרופען אויף א דועל — האט פארטגעזעצט פאר זיך אליין צו טראכטען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש און האט זיך לעבעדיג פארגעשטעלט וואס פאר א נאכט ער וועט פערברייגנען נאך אזא ארויסרופונג און וויא דער פיסטאלעט וועט זיין אנגעווענדעט געגען איהם און ער האט א ציטער געטאהן און פערשטאנען, אז ער וועט דאס קיין מאהל ניט טאהן — איז לאמיר רעכענען, אז איך וועל איהם שוין ארויסרופען אויף א דועל. לאמיר רעכענען, אז מען וועט מיך שוין לעהרנען וויא אנצושטעלען, א דריק צו טאהן — האט ער זיך געזאגט און האט פערמאכט דיא אויגען בשעת מעשה — און עס וועט זיך ארויסשטעלען, אז איך האב איהם געטויט. וואס פאר א זינען האט צו ערמארדען א מענשען צוליעב דעם, אז עס זאלען בעשטימט ווערען מיינע בעציהונגען צו א פערברעכערישער פרוי און צום זוהן? איך וועל דאך סיי־וויא־סיי מוזען ערשט בעשטימען וואס איך האב צו טאהן מיט איהר?

„אבער וואס זיכערער פון אלעס איז דאך, אז איך וועל זיין דער דער־הרג'עטער אדער פערוואונדעטער. איך, אן אונשולדיגער מענש, וועל זיין אן אפפער, דער'הרג'ט אדער פערוואונדעט. נאך א גרעסערער אונזינן. אבער דאס

איז נאך וויניג: ארויסרופען איהם אויף א דועל וועט פון מיין זייט זיין אן אונערענטליכע האנדלונג. וויים איך דען ניט פאראויס, אז מיינע פריינד וועלען מיך קיין מאל ניט דערלאזען צו א דועל — זיי וועלען ניט דערלאזען, אז דאס לעבען פון א וויכטיגען שטאאטס־מאן, וועלכער איז נויטיג פיר רוסלאנד, זאל אונטערווארפען ווערען אזא געפאהר? וואס־זשע וועט זיין? עס וועט זיין דאס, אז איך, וויסענדיג פריהער, אז עס וועט קיין מאל ניט קומען צו א געפאהר, האב געוואלט בעקומען בלויז א פאלשען גלאנץ דורך אזא האנדלונג. דאס איז ניט עהרליך, דאס איז פאלש, דאס איז אבגענארט אנדערע און זיך אליין. דועלירען איז אונזינניג און קיינער וועט דאס גאר ניט ערווארטען פון מיר. מיין צוועק בעשטעהט דעריין, איך זאל זיכערען מיין רעפוטאציע וועלכע איז מיר נויטיג אום צו קאנען פארטזעצען אהן שטערונגען מיין טהעטיגקייט.“

דיא אמטליכע טהעטיגקייט, וועלכע האט פריהער אויך אין אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס אויגען געהאט א גרויסע בעדייטונג, איז איצט פאר איהם געווען נאך פיעל בעדייטענדער. נאכדיינקענדיג אזוי וועגען א דועל און פערווארפענדיג אזא געדאנק, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש אנגעהויבען טראכטען וועגען א גט. דאס איז געווען אן אנדער אויסגאנג וועלכען עס האבען אויסגעקליבען אנדערע פון דיא מענער, וועגען וועלכע ער האט זיך דערמאנט.

איבערטראכטענדיג וועגען אלע פעלע פון גט'ן (אזעלכע פעלע זיינען געווען פיעל אין דיא סאמע הויכע קרייזען) האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש ניט געפונען קיין איינעם, וועלכער זאל האבען דעמזעלבען צוועק, וועלכען ער האט אין זינען. אין אלע דיא דאזיגע פעלע איז דער מאן איינגעגאנגען אויף אבמאכונגען האט נאכגעלאזען אדער האט פערקויפט יענעם זיין פאלשע פרוי. אין זיין איינענעם פאל האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש דערזעהען, אז ערדרייכען א געזעצליכען גט, ד. ה. אזא גט, אז עס זאל זיין אבגעוויזען פון איהם בלויז דיא פרוי, דאס איז אונמעגליך. ער האט געזעהען, אז דיא קאמפליצירטע אומשטענדען פון'ם לעבען, אין וועלכען ער געפינט זיך, קאנען ניט ערלויבען דיא מעגליכקייט אז עס זאלען געליפערט ווערען אזעלכע גראבע בעווייזע פון דער פרוים פארברעכען וויא דער געזעץ פאדערט עס. איבער דיא געוויסע פערפיינערונג פון דעם דאזיגען לעבען קאן ניט דערלאזען אנצופאסען אזעלכע גראבע בעווייזע, ווען אזעלכע זאלען אפילו זיין, און ווען ער זאל אזעלכע בעווייזע אנווענדען דאן וועט ער אליין פערלירען אין דיא אויגען פון דער עפענטליכער מיינונג מעהר איידער זיא.

פרובירען בעקומען א גט האט געקאנט פיהרען צו א סקאנדאלעזען פראצעס, וואס וואלט געווען א גאנצע מתנה פאר זיינע שונאים, וועלכע וואלטען פערלוימדען און ערניעדריגען זיין הויכע שטעלונג אין דער געזעלשאפט. דערצו וועט דאך שוין פון'ם פערזוך אליין ארויסצונעהמען א גט זיין דער פועל יוצא, אז עס וועט זיך גלייך צייגען, אז דיא פרוי איז זיך צוגאנגען מיט'ן מאן און אנגעהויבען לעבען מיט איהר געליעבטען. און אין הארצען האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, ניט קוקענדיג דערויף, וואס ער האט געפיהלט, וויא איהם האט זיך געדוכט, בלויז א פעראכטענדע גלייכגילטיגקייט צו זיין פרוי, האט ער פון רעסטוועגען בשום

אופן ניט געוואָלט זיא זאָל זיך אריבערקלייבען לעבען מיט וורא̇נסקי'ן, ד. ה. ער האָט ניט געוואָלט, אז איהר פארברעכען זאָל זיך פאר איהר לוינען. דער איין געדאנק וועגען דעם האָט אזוי צורייצט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשען, אז בלויז פאָרשטעל'ענדיג זיך דאָס, האָט ער אָנגעהויבען צו רעווען פון אינערליכען ווייטאָג און האָט זיך אויפגעהויבען און אומגעזעצט זיך אויף אן אנדער פלאַץ אין קארעטע. און לאנג נאָך דעם האָט ער אן אָנגעוואָלקענטער געוויקעלט זיין פריהרענדע און ביינערדיגע פיס אין דעם פוכיגען פלעד.

„אויסער א פאָרמעלען גט, קאָן מען נאָך טאָהן אזוי וויא פירסט קארי־באנאָוו, וויא גראף פאסקודין האָט געטאָהן און וויא דער דאָזיגער גוטער דראם האָט געטאָהן, ד. ה. פשוט צוגעהן זיך מיט איהר... אָבער ניין, דאָס איז דאָך ד'עזעלביגע, ד. ה. אויך לאָזען איהר אוועקגעהן צו וורא̇נסקין און זיי זאָלען אונ־געשטערט לעבען צוזאמען. ניין, דאָס איז אונמעגליך, אונמעגליך! — האָט זיך ווייטער געגומען איבערוויקלען זיין פלעד ארום דיא פיס אלעקסיי אלעקסאנדרא־וויטש, זאָגענדיג דאָס אין דערהויך — איך קאָן ניט זיין אונגליקליך, אָבער אויך זיא און ער טאָרען ניט זיין גליקליך“.

דאָס געפיהל פון אייפערזוכט, וועלכע האָט איהם געמאַטערט ווען ער האָט ניט געוואוסט, האָט זיך פערביטען אויף אן אנדער געפיהל, אז זיא זאָל נור ניט טריאומפירען, נור זאָל בעקומען דיא בעשטראפונג פאר איהר פערברעכען. ער האָט ניט אנערקענט דעם געפיהל, אָבער אין טיעפען הארצען האָט זיך איהם געוואָלט, אז זיא זאָל אָבקומען און ליידען פאר וואָס זיא האָט צושטערט זיין רוה און זיין עהרע. און ער האָט ווידער אמאָל ארומגעטראכט וועגען דיא אומשטענ־דען פון א דועל, פון א גט אָדער אזוי א צושיידונג און ער איז געקומען צום שלוס, אז עס איז פאראן בלויז איין אויסגאנג — זיא זאָל בלייבען ביי איהם, בעהאלטען פון דער וועלט וואָס עס האָט פאסירט, געברויכען אלע מעגליכע מיטלען צו צוריי־סען זייער בונד און הויפטזעכליך — אין וואָס ער האָט זיך אליין ניט געוואָלט מודה זיין — הויפטזעכליך פון איהר בעשטראפינג וועגען.

„איך מוז ערקלערען איהר מיין ענטשיידונג, אז נעהמענדיג אין אנבע־טראכט אלע אומשטענדען און דיא שווערע לאגע, אין וועלכער זיא האָט אוועק־געשטעלט דיא פאמיליע און אויך אז יעדער אנדער אויסגאנג וועט זיין נאָך ער־גער, און דארום מוז זיא איבערשניידען יעדע פערבינדונג מיט איהר געליעבטען“. אום צו בעפעסטיגען דיא דאָזיגע ענטשיידונג איז איהם געקומען נאָך א וויכ־טיגע זאך אויפ'ן זינען: „נור אויף אזא'ן אופן האנדעל איך אויך פאסענד פאר דער רעליגיאָן — האָט ער זיך געזאָגט — נור מיט אזא האנדלונג שטוים איך ניט אָפ פון זיך דיא פערברעכערישע ווייב, און גיב איהר דיא מעגליכקייט צו בעסערען זיך און זאָגאר — וויא שווער דאָס זאָל מיר ניט זיין — וועל ווידמען א טהייל פון מיינע קרעפטען אום צו רעטען און אויסבעסערען זיא.“

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט אייגענטליך געוואוסט, אז ער קאָן אויף דער פרוי קיין מאראלישען איינפלוס ניט האָבען, אז פון זיין גאנצען פערזוך אויסצובעסערען זיא וועט קיין זאך ניט ארויסקומען א חוץ פאלשקייט, נור איצט, ווען זיין בעשלוס איז גראד געווען צופעליג אין איינקלאנג מיט דיא פאָדערונג

פון רעליגיאָן, האָט דיא סאַנקציאָנירונג פון דער רעליגיאָן געגעבען איהם א בע־פרידיגונג און האָט איהם אביסעל בערוהיגט. איהם האָט געפּרעהט צו דיינקען, וואָס אפילו אין אזא שווערען פאַל פון לעבען וועט אויך קיינער ניט אים שטאַנד זיין צו זאָגען, אז ער האָט ניט געהאַנדעלט איינשטימיג מיט דיא רעגעלען פון יענער רעליגיאָן, וועמעס פאָהן ער האָט אימער געהאַלטען הויך, ווען אָרום איז געווען אזא קאַלטקייט און גלייכגילטיגקייט צו דער רעליגיאָן.

בעטראַכטענדיג נאָך וויטערע איינצעלהייטען האָט אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש זאָגאַר ניט געזעהען, פאַר וואָס זיינע בעציהונגען צו זיין פרוי קאָנען ניט פערבלייבען ווייטער, וויא זיי זיינען געווען פריהער. אָהן צווייפעל וועט ער קיין מאָהל ניט אים שטאַנד זיין האָבען צו איהר ווידער דיזעלבע אכטונג וואָס פריהער; אָבער עס קאָנען אויך ניט זיין קיינע אורזאַכען פאַר וואָס עס זאָל צוליעב דעם געשטערט זיין זיין לעבען און אז ער זאָל דאַרפען ליידען איבער דעם וואָס זיין פרוי איז א שלעכטע און אונטרייע ווייב. „יא, עס וועט אריבער א צייט, דיא צייט וואָס פערהיילט אַלעס, און ווידער וועלען ווערען דיא פריהע־ריגע בעציהונגען — האָט זיך געזאָגט אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש — דאָס הייסט, עס וועלען ווערען אויף אזוי פיעל צוריק הערגעשטעלט דיא אלטע בע־ציהונגען, אז איך זאָל ניט פיהלען קיין צושטערונג אין מיין לעבען. זיא דאַרף זיין אונגליקליך, אָבער איך בין דאָך אין קיין זאַך ניט שולדיג, און דאַרום קאָן איך ניט זיין אונגליקליך.“

## 14

צופאָהרענדיג נאָהענט צו פעטערבורג, איז אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש ניט נור געבליבען פעסט ביי זיין דאָזיגען בעשלוס, נור האָט שוין אויך פערפאַסט ביי זיך אין דיא געדאַנקען א בריעף, וועלכען ער וועט אָנשרייבען צו זיין פרוי. ווען ער איז אָנגעקומען אהיים און איז אריינגעגאַנגען אין פאָדער צימער, האָט אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש א קוק געטאָהן אויף דיא בריעף און דיא פאַפּירען, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרען פון מיניסטערסטוואָ, און האָט געהייסען מען זאָל זיי אריינטראָגען נאָך איהם אין קאַבינעט.

— אָבלייגען און קיינעם היינט ניט אויפנעהמען — האָט ער געזאָגט אויף דער פראַגע פון דעם שווייצאר; ער האָט דאָס געזאָגט מיט אביסעל צופריעדענ־הייט, וואָס עס האָט געדאַרפט דיענען אַלס צייכען אז ער איז גוט אויפגעלייגט, און ער האָט בעזונדער בעטאָנט דעם בעפעהל: נ י ט  אוי פ נ ע ה מ ע ן.

אין קאַבינעט איז זיך אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש דורכגעגאַנגען א פאָאר מאָהל הין און צוריק און האָט זיך דערנאָך אָבגעשטעלט לעבען שרייב־טיש, אויף וועלכען דער קאַמערדינער האָט שוין פריהער אָנגעצונדען זעקס ליכט; ער האָט א קנאַק געטאָהן מיט דיא פינגער און האָט זיך געזעצט, צונעהמענדיג דיא שרייב־

# אננא קארעונינא

געצייג. אוועקלייגענדיג דיא עלענבויגענס אויפ'ן טיש, האט אנגעבויגט דעם קאפ אויף א זייט, האט א מינוט א טראכט געטאהן און האט אנגעהויבען שרייבען, ניט אבשטעלענדיג זיך אויף קיין איין מינוט. ער האט געשריבען צו איהר אויף פראנצויז, און האט געברויכט דעם ווארט „איהר“ וואס האט אין פראנצויז געקלונגען ניט אזוי קאלט, וויא דאס ווארט קלינגט אין רוסיש.

„אין אונזער לעצטען געשפרעך האב איך אייך אויסגעדריקט מיין אבזיכט צו מעלדען אייך מיין ענטשלוס וועגען דעם געגענשטאנד פון אונזער געשפרעך. איבערקלעהרענדיג אויפמערקזאם אלע אומשטענדען שרייב איך אייך איצט מיט דעם צוועק צו ערפילען דעם דאזיגען פארשפרעכען. מיין ענטשיידונג איז פאלגענדע. וואס פאר א האנדלונגען אייערע זאלען ניט זיין, רעכען איך ניט אז איך האב א רעכט צו צורייסען יענע קייטען, וועלכע פארבינדען אונז דורך דעם ווילען פון אויבען. דאס פאמיליען־לעבען קאן ניט צוריכען ווערען צוליעב דעם קאפריז אדער אפילו צוליעב פערברעכען פון איינע פון דיא פערהייראטהע. דאס איז נויטווענדיג צוליעב אייך, צוליעב מיר און צוליעב אונזער זוהן.

„איך בין זיכער אז איהר האט חרטה בעקומען און איהר האט איצט חרטה פאר אייער האנדלונג וואס דינט אלס אורזאכע פון דעם דאזיגען בריעף, און אז איהר אליין וועט מיר מיטהעלפען ארויסצורייסען מיט'ן ווארצעל דיא אורזאכע פון אונזער קריעג און פארגעסען דיא פערגאנגענהייט. אויב ניט קאנט איהר זיך אליין שוין פארשטעלען וואס עס ערווארט אייך און אייער זוהן. גענויער וועגען דעם אלעם רעכען איך מיט אייך דורכצוריידען ווען מיר וועלען זיך פערזענליך זעהען און מינדליך ריידען.

„אזוי וויא דער זומער־סעזאן פון וואהנען צו לאנד ענדיגט זיך וואלט איך אייך בעטען וואס שנעלער איבערקלייבען זיך קיין פעטערסבורג, ניט שפעטער פון קומענדען דיענסטאג. אלע נויטיגע איינריכטונגען פאר אייער איבערקלייבען זיך וועלען געמאכט ווערען. איך בעט אייך אויפמערקזאם צו זיין, אז איך גיב צו א גרויסע בעדייטונג צו דער דאזיגער בקשה מיינער. א. קארענין.“

נ. ב. — „אין דעם דאזיגען בריעף שיק איך געלד, וועלכע קאן נויטיג זיין פאר אייערע הוצאות“.

ער האט איבערגעלעזען דעם בריעף און איז געבליבען צופריעדען, בעזונדער נאך פון דעם וואס ער האט זיך דערמאנט אריינצולייגען דאס געלד; אין בריעף איז ניט געווען קיין בייזער ווארט, קיין פארוואורף, אבער אויך ניט געווען קיין גיעדיגקייט. דער עיקר איז וואס דער בריעף האט געדארפט דיענען אלס א גאלדענער בריק פאר איהר אומצוקעהרען זיך צו איהם. צונויפלייגענדיג דעם בריעף און פערגלעטענדיג איהם מיט דעם גרויסען מאסיווען מעסער פון עלפאנטביין און אריינלייגענדיג איהם אין א קאנווערט צוזאמען מיט'ן געלד, האט ער מיט פארגעניגען, וואס ער האט אימער געהאט, ווען ער האט געהאט צו בענוצען זיינע גוט איינגעארדענטע שרייב־געצייג, א קלונג געטאהן:

-- וועסט דאס איבערגעבען דעם קוריער, ער זאל דאס צושמעלען מארגען צו אננא ארקאדיעוונא אויפ'ן דאטשע — האט ער געזאגט און איז אויפגעשטאנען.

# אננא קארעונינא

-- איך האָרך, עקסעלענץ. וועט איהר טהעע הייסען דערלאַנגען אין קאַבינעט?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהייסען זיך דערלאַנגען טהעע אין קאַבינעט, און שפּילענדיג מיט דעם מאַסיווען מעסער איז ער אוועק צום פוטעל, וואו עס איז געווען אָנגעגרייט אַ לאָמפּ און אַ פראַנצויזישער בוך, וועלכען ער האָט אָנגעהויבען לעזען. איבער'ן פוטעל איז געהאַנגען אין אַ גאָלדענער ראַהם אַן אָוואַל־בילד פון אננא, געמאָלט פון אַ בעריהמטען מאהלער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אויף איהם אַ קוק געטאָהן.

דיא אונדרוכדרינגליכע אויגען האָבען שמייכלענדיג און פרעך געקוקט אויף איהם וויא אין יענעם לעצטען אבענד פון זייער ערקלעהרונג. אונערטרעגליך פרעך און אַרויסרופענד האָט געווירקט אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דאָס אויסזעהען פון דיא שוואַרצע האַפּט־שפּיצען אויפ'ן קאָפּ, וואָס איז אַזוי קונציג געמאָהלט געוואָרען פונ'ם מאהלער, צוזאַמען מיט איהרע שוואַרצע האָאַר, און דער שעהנער ווייסער האַנד מיט דעם פינגער בעדעקט מיט רינגעלעך.

קוקענדיג ביי אַ מינוט אויף איהר פּאָרטרעט, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ ציטער געטאָהן אַזוי, אַז דיא ליפּען האָבען אַ ציטער געטאָהן און האָבען זאָגאַר אַרויסגעגעבען דעם קלאַנג „בררר“ און ער האָט זיך אָבגעקעהרט. אוועקזעצענדיג זיך שנעל אין פוטעל, האָט ער געעפענט דעם בוך. ער האָט פּרובירט לעזען, אָבער ער האָט שוין ניט געקאָנט האָבען דעמזעלביגען אינטערעס וועלכען ער האָט געהאַט פריהער לעזענדיג דאָס ווערק. ער האָט געקוקט אין בוך און האָט געטראַכט וועגען וואָס אַנדערעס.

ער האָט געטראַכט ניט וועגען דער פרוי, זאָנדערן וועגען אַ געוויסע געזעץ־פאָרלאַגע אין זיין מלוכה־טהעטיגקייט, וואָס איז איצט געווען דער הויפּט אינטערעס פון זיין אמט. ער האָט געפיהלט, אַז איצט דרינגט ער טיעפער אריין אין דעם זינען פון דעם געזעץ־פאָרשלאַג און אַז אין זיין קאָפּ האָט אָנגעקוועלט אַ גרויסאַרטיגער געדאַנק, וועלכער וועט ערקלעהרען דיא גאַנצע אַנגעלעגענהייט, וועט איהם ערהויבען נאָך העכער אין זיין אַמטליכער קאַריערע, וועט זיין אַ קלאַפּ פאַר זיינע פיינד און וועט דאַרום ברייגגען גרויס נוצען דער מלוכה.

וויא נור דער מאַן, וועלכער האָט אוועקגעשטעלט דעם טהעע איז ארויס פון צימער, האָט זיך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו זיין שרייב־טיש. צורוקענדיג נעהנטער זיין פּאַרטפעל מיט דיא געגענווערטיגע אַנגעלעגענהייטען, האָט ער מיט קוים אַ בעמערקבאַרען שמייכעל ארויסגענומען אַ בלייפעדער און האָט זיך פערטיעפט אין לעזען דיא פּאַפּיערען וואָס זיינען שייך צו זיין געזעץ־פאָרלאַגע.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס בעזונדער פעהיגקייט אַלס אַ שטאַאַטסמאַן איז בעשטאַנען אין יענער אייגענשאַפט, וועלכע עס האָט אין זיך יעדער בעאַמטער, וואָס צייכענט זיך אויס, וואָס ער האָט ניט געקאָנט ליידען קיין פּאַפּיערענע אָפיציאַליטעט, אין אויספיהרען עקאָנאָמיע און אין ליעבע צו לעבעדיגע טהעטיגקייט. עס האָט פּאַסירט, אַז אין דער קאָמיסיאָן פון צווייטען יוני איז געווען ארויפגעקומען דיא אנגעלעגענהייט וועגען בעוועסערען דיא ערד פון זאַ־

כאַיסקער גובערניע, וועלכע האָט זיך איינגעפונען אין מיניסטערסטוואַ פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, און וועלכע האָט געקאָנט דיענען אַלס אַ קלאָהרער ביישפּיעל פון אומזיסטען פערשווענדונג פון קאָסטען און פון פּאַפּיערענע פיהרעריי פון מלוכה־ענינים. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געוואוסט, אַז דיא זאַך איז אַ גערעכטע.

אָנגעהויבען געוואָרען איז דיא אַנגעלעגענהייט וועגען וועסערונג פון לאַנד אין זאַכאַיסקער גובערניע נאָך פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס פאָרגענגער. אַ מאַסע געלד איז פאַרשווענדעט געוואָרען און עס האָט צו קיין זאַך ניט געפיהרט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אויפמערקזאַם געוואָרען אויף דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט גלייך וויא ער איז אַריין אין אַמט און האָט דאָס געוואָלט אַריינגעהמען צו זיך אין דיא הענד און ווייזען וואָס ער וועט דעריין אויפטאָהן. אָבער אין דער ערשטער צייט, ווען ער איז נאָך ניט געווען אַזוי זיכער אויף זיין פּלאַץ און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס בעריהרט זעהר פיעל אינטערעסען, האָט ער געהאַלטען פאַר אונפערנינפטיג צו נעהמען זיך פאַר אַזאַ זאַך. דערנאָך איז ער געווען פערנומען אַלץ מיט אַנדערע אַנגעלעגענהייטען און האָט וועגען דעם אין גאַנצען פאַרגעסען, און דיא דאָזיגע אַנגעלעגענהייט איז זיך געגאַנגען דעם נעוועהנליכען וועג וויא אַנדערע מלוכה־אַנגעלעגענהייטען. ווען זיינע געגנער אין מיניסטערסטוואַ האָבען אויפגעהויבען ווידער דיא דאָזיגע אַנגעלעגענהייט, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גערעכענט דאָס פאַר ניט עהרליך פון זייער זייט. אָבער איין מאָל האָט מען איהם צוגעוואָרפען דיא האַנדשוה, האָט ער זיא מוטהיג אויפגעהויבען און האָט געפאָדערט, עס זאָל בערופען ווערען אַ ספּעציעלע קאָמיססיאָן וועגען דער וועסערונג פון פעלדער אין זאַכאַיסקער גובערניע.

און צוזאַמען מיט דעם האָט ער אויך געפאָדערט, עס זאָל בעשטימט ווערען אַ קאָמיססיאָן אויסצופאָרשען דיא פראַגע וועגען פרעמד־געבאָרענע. דיא פראַגע וועגען פרעמד־געבאָרענע איז צופעליג אויפגעוועקט געוואָרען פון איהם אין דעם קאָמיטעט פון צווייטען יוני און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס פאָדערונג איז געווען אַז דיא זאַך זאָל ניט אָבגעלייגט ווערען איבער דער טרויעריגער לאַגע אין וועלכער דיא פרעמד־געבאָרענע האָבען זיך איינגעפונען. אין קאָמיטעט איז געוואָרען אַ סכסוך איבער דעם פון עטליכע מיניסטערסטוואָס איינע געגען דיא אַנדערע. איין מיניסטערסטוואָ, וועלכע האָט זיך געהאַלטען פיינדליך צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס מיינונגען האָט געזוכט צו ווייזען פאַרקעהרט, אַז דיא לאַגע פון דיא פרעמד־געבאָרענע איז בליהענד און אַז דורך דעם וואָס עס וועלען געמאַכט ווערען נייע איינפיהרונגען וועט דער דאָזיגער בליהענדער צושטאַנד חרוב ווערען, און אויב אין זייער לאַגע איז עפּעס ניט גאָר גוט, איז דעריין שולדיג דער דעפּאַרטאַמענט פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער ווענדעט ניט אָן דיא געזעצליכע פאָרשריפטען וועגען דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט.

איצט האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דארום בעשלאָסען צו פאָדערן, ערשטענס: עס זאָל בעשטימט ווערען אַ נייע קאָמיסיאָן, וועלכע זאָל אויספאָרשען דעם צושטאַנד פון דיא פרעמד־געבאָרענע. צווייטענס, אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלען, אַז דיא לאַגע פון דיא פרעמד־געבאָרענע איז ווירקליך אַזוי וויא

עס ווייזט זיך אין דיא אָפיציעלע אויסקינפטע פון דעם קאָמיטעט, דאַן זאָל בע־שטימט ווערען נאָך א ספּעציעלע וויסענשאַפטליכע קאָמיססיאָן, וועלכע זאָל אויס־פאָרשען דיא אורזאַכען פון אַזא טרויעריגען צושטאַנד פון דיא פרעמד־געבאָרענע אויף גרונד פון פּאָליטישע, אדמיניסטראַטיווע, עקאָנאָמישע, עטנאגראַפישע, מאַ־טעריעלע אין רעליגיעזע שטאַנדפּונקטען; דריטענס, זאָל ארויסגעפאָדערט ווערען פון פיינדליכען מיניסטעריום אויסקינפטע וועגען דיא מיטלען וואָס זיינען אָנגע־ווענדעט געוואָרען אָבצושאַפען יענע אונגינסטיגע אומשטענדען, אין וועלכע עס געפינען זיך איצט דיא פרעמד־געבאָרענע, און פערטענס, זאָל ארויסגעפאָדערט ווערען פון יענעם מיניסטעריום אַן ערקלעהרונג פאר וואָס עס איז געהאַנדעלט געוואָרען להיפוך פון דעם געזעץ פּאַראַגראַף 18 און פּאַראַגראַף 36, לויט נומערן 17015 און 18308 פון פינפטען דעצעמבער 1863 יאָהר....

א לעבעדיגע פּאַרב האָט זיך געוויזען אין אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטשעס פּנים, ווען ער האָט מיט'ן בלייפעדער געשריבען דעם קאָנספּעקט פון דיא דאָזיגע געדאַנקען. אָנשרייבענדיג א בויגען פּאַפּיער, האָט ער זיך אויפגעהויבען, האָט א קלונג געטאָהן און האָט איבערגעגעבען א צעטעלע צו דעם פערוואַלטער פון זיין קאַנצעלאַריע, אַז ער זאָל איהם צושטעלען נויטיגע אויסקינפטע. אויפשטעהענדיג און דורכגעהענדיג זיך איבערן צימער האָט ער ווידער א קוק געטאָהן אויף דעם פּאָרטרעט, האָט א שמייכעל געטאָהן און האָט זיך אָנגעוואָלקענט בייז. ער האָט זיך גענומען ווייטער פאר'ן לעזען און איז א זייגער 11 געגאַנגען שלאָפען. ווען ער האָט ליגענדיג אויפ'ן בעטעל גענומען טראַכטען ווידער וועגען דער פּאַ־סירונג מיט זיין פרוי, האָט שוין אַלעס איהם פאָרגעשטעלט זיך גאָר ניט אזוי טרויעריג.

15.

אָבוואָהל אננאַ האָט עקשנות'דיג און בייזלאך .ידערשפראָכען ווראָנסקין, ווען ער האָט איהר געזאָגט, אַז איהר לאַגע איז אַן אונמעגליכע, האָט זיא אָבער אין דער טיעפענים פון איהר האַרצען געפיהלט אַז איהר לאַגע איז א פּאַלשע, אונעהרליכע און זיא האָט מיט'ן גאַנצען האַרצען געוואונשען, אַז דיא דאָזיגע לאַגע זאָל זיך ענדערן. ווען זיא האָט זיך מיט דעם מאַן צוריקגעקעהרט פון דיא רייסעס, האָט זיא איהם אין דער מינוט פון אויפרעגונג געזאָגט אַלעס און איז געוועזען גערן וואָס זיא האָט דאָס איהם געזאָגט, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דאָס האָט איהר אזוי וועה געטאָהן.

נאָך דעם וויא דער מאַן איז אוועק, האָט זיא זיך אַליין געזאָגט, אַז זיא איז גערן וואָס זיא האָט אַלעס איהם ארויסגעזאָגט, אַז איצט וועט זיך שוין אַלעס בעשטימען און עס וועט מעהר ניט זיין קיין פּאַלשקייט און נאַרעריי. איהר האָט זיך געדוכט, אַז איצט וועט זיך שוין אַלעס אַנדערש איינאָרדנען. עס קאָן זיין אַז

דיא נייע לאגע וועט זיין שלעכט, נור יעדענפאלס וועט אין איהר זיין עפּעס בעשטימטעס, עס וועט ניט זיין אזא אונקלאהרהייט און אזא פאלשקייט.

יענע שמערצען, וועלכע זיא האָט פעראורזאכט זיך און דעם מאַן, ווען זיא האָט איהם אלעס אויסגעזאָגט, וועט בעלאָהנט ווערען דערמיט וואָס איצט וועט שוין אלעס זיין מעהר אין אָרדנונג. אין דעמזעלביגען אבענד האָט זיא זיך געזעהען מיט ווראָנסקין, אָבער זיא האָט איהם גאָרנישט געזאָגט וועגען דעם וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהר און איהר מאַן, אָבוואָהל איהר איז נויטיג געווען דאָס איהם צו זאָגען אום איהר לאגע זאָל זיין קלאָהרער בעשטימט.

ווען זיא האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף אויף מאָרגען, האָט אם אלעם ערשטע איהר זיך פאָרגעשטעלט, וואָס זיא האָט געזאָגט דעם מאַן, און איהרע ווערטער האָבען זיך איהר פאָרגעשטעלט אזוי שרעקליך, אז זיא האָט איצט ניט געקענט פארשטעהן וויא אזוי האָט זיא זיך געקאָנט ערלויבען ארויסצורייזען דיא דאָזיגע זאָנדערבארע, גראָבע ווערטער, און זיא האָט זיך גיט געקאָנט פאָרשטעלען וואָס פון דעם וועט ארויסקומען ענדליך.

אָבער דיא ווערטער זיינען געווען ארויסגערעדט און אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז אוועקגעפאָהרען גאָר נישט זאָגענדיג: „איך האָב געזעהען ווראָנסקין און האָב איהם גאָר נישט געזאָגט. אין דער מינוט וויא ער איז אוועק האָב איך איהם געוואָלט רופען צוריק און זאָגען איהם, אָבער איך האָב זיך באדיינקט, ווארום עס איז עפּעס געווען זאָנדערבאר פאר וואָס איך האָב איהם דאָס גלייך ניט געזאָגט. פאר וואָס האָב איך דאָס איהם געוואָלט זאָגען און ניט געזאָגט?" און אלס ענטפער אויף דער דאָזיגער פראגע האָט א רויטקייט פון שאנדע ארויסגעטראָטען אויף איהר פנים.

זיא האָט פערשטאנען וואָס איהר האָט צוריקגעהאלטען פון צו זאָגען ווראָנסקין וואָס זיא האָט גערעדט מיט איהר מאַן; זיא האָט פערשטאנען, אז זיא האָט זיך פשוט געשעהמט. און דיא לאגע, וועלכע איהר האָט זיך נעכטען פאָרגעשטעלט שוין אלס קלאָהר געוואָרענע, האָט זיך איהר איצט שוין פאָרגעשטעלט אלס אונמעגליכע. איהר איז געוואָרען שרעקליך פון דער שאנדע, וועגען וועלכער זיא האָט פריהער גאָרניט געטראכט. ווען זיא האָט געפּרופּט א טראכט טאָהן וועגען דעם וואָס איהר מאַן וועט איצט טאָהן, זיינען דיא שרעקליכסטע געדאנקען איהר ארויף אויפ'ן זינען. איהר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז באלד וועט קומען דער הויז־פערוואלטער און מען וועט זיא ארויסיאָגען פון וואָהנונג, אז איהר שאנדע וועט אָפען ערקלעהרט ווערען פאר דער גאנצער וועלט. זיא האָט זיך געפרעגט, וואָס וועט זיא טאָהן, וואוהין וועט זיא פאָהרען, ווען מען וועט זיא ארויסיאָגען פון דער היים און זיא האָט קיין ענטפער ניט געפונען אויף דער פראגע.

ווען זיא האָט געטראכט וועגען ווראָנסקין, האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אז ער ליעבט זיא ניט, אז זיא ווערט איהם שוין צו לאסט, אז זיא קאָן איהם שוין זיך ניט פאָרשלאָגען, און זיא האָט דערפיהלט צו איהם א פיינדשאפט דערבאר. איהר האָט זיך געדוכט, אז יענע ווערטער, וועלכע זיא האָט געזאָגט דעם מאַן און וועלכע זיא האָט אָהן אויפהער ווידערהאָלט אין איהר פאנטאזיע, האָט

# אננא קארעניגא

זיא געזאָגט אין דער הויף אָפּען פאַר אַלעמען און אַלע ווייסען שוין איצט דערפון. זיא האָט ניט געוואגט איצט צו קוקען אין דיא אויגען דיא מענשען, מיט וועלכע זיא האָט געוואָהנט צוזאמען. זיא האָט זיך אַפילו ניט געקאָנט בעשליסען אַ רוף צו טאָהן איהר דיענסט־מיידעל און האָט נאָך מעהר מורא געהאט אראָבצוגעהן אין דיא אונטערשטע צימערן און דערזעהען דאָרט איהר זוהן און דיא גאָווער־נאנטין.

דיא דיענסט־מיידעל האָט זיך שוין לאַנג צוגעהערט צו איהר טהיר און זעהענדיג אַז זיא רופט זיא ניט איז זיא אַליין אריין אין צימער. אננא האָט פראַגליך אַ קוק געטאָהן איהר אין דיא אויגען און איז רויט געוואָרען. דיא מיידעל האָט זיך ענטשולדיגט וואָס זיא איז אריין, זאָגענדיג אַז איהר האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט געקלונגען. זיא האָט אריינגעטראָגען דיא קליידער און אַ צעטעלע דער צעטעלע איז געוועזן פון בעטסי. פירסטין בעטסי האָט זיא דערמאָנט, אַז היינט אין־דער־פריה וועלען ביי איהר זיין ליזא מארקאלאווא און באַראָנעסע שטאָלץ מיט זייערע פערעהרער, קאלוזשסקי און דער אַלטער סטרעמאוו, צו שפּיע־לען צוזאמען קראקעי:

„קומט צופאָהרען ווייניגסטען אַ קוק טאָהן, אַלס אַ זיטען־שטודיום. איך ערוואַרט אייך“ — האָט איהר געשריבען בעטסי.

אננא האָט איבערגעלעזען דעם צעטעלע און האָט זיך שווער אָבגעזיפצט.

— קיין זאַך ניט, מען דאַרף קיין זאַך ניט — האָט זיא געזאָגט אנושקען, וועלכע האָט איבערגעשטעלט דיא פּערפיום־פלעשלעך און דיא בערשטלעך אויף דעם טואַלעטען־טישעל — געה, איך וועל זיך גלייך אָנטאָהן און וועל אריין אין שטוב. מען דאַרף קיין זאַך ניט.

אנושקא איז ארויסגעגאנגען, אָבער אננא האָט זיך ניט אָנגעהויבען אָנ־צוטאָהן און איז געבליבען זיצען אין דערזעלבער לאַגע, קאָפּ און הענד אראָבגעלאָזען און ווייל־עווייז האָט זיא אויפגעציטערט מיט'ן גאנצען קערפּער, וועלענדיג מאַכען עפּעס אַ בעוועגונג אָדער זאָגען וואָס, נור איז ווידער פערגליווערט געוואָרען אין דערזעלבער פּאָזע. זיא האָט אָהן אויפהער ווידערהאָלט: „מיין גאָט! מיין גאָט!“ אָבער ניט דאָס וואָרט „גאָט“, ניט דאָס וואָרט „מיינער“ האָבען פאַר איהר איצט ניט געהאט קיין בעדייטונג.

דער געדאַנק צו געפינען אַ הילפע פאַר איהר לאַגע אין דער רעליגיאָן, איז איהר אויך געוועזן אזוי פרעמד, וויא צו זוכען הילף ביי אַלעקסאַנדראָ־וויטש, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיא האָט קיין מאָל ניט געצווייפעלט אין דער רעליגיאָן, אין וועלכער זיא איז געוועזן ערצויגען. זיא האָט געוואוסט, אַז דיא הילף פון רעליגיאָן קאָן פאַר איהר מעגליך זיין נור דעריין וואָס זיא זאָל זיך אָבזאָגען פון דאָס, וואָס עס איז פאַר איהר איצט געוועזן דער זינען פון איהר לעבען. איהר איז ניט נור געוועזן ישווער, נור זיא האָט אָנגעהויבען צו פיהלען פּחד פאַר איהר נייעם גייסטיגען צושטאַנד, וועלכען זיא האָט נאָך קיין מאָל ניט פערזוכט אין איהר לעבען. זיא האָט געפיהלט, וויא ביי איהר אין הארצען האָט אַלעס אָנגעהויבען צו ווערען צווייפאַכיג, וויא זאַכען ווערן אַמאָל געדאָפּעלט פאַר מידע אויגען. זיא האָט צייטענווייז אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס זיא האָט מורא,

וואָס זיא פערלאַנגט. צו זיא האָט מורא פאַר דאָס געוועזענע און צו זיא פערלאַנגט דאָס וואָס איז געווען אָדער זיא האָט מורא פאַר דאָס, וואָס וועט זיין. זיא האָט ניט געוואוסט וואָס זיא וויל.

„אך, וואָס טהו איך!“ — האָט זיא זיך געזאָגט, דערפיהלענדיג פלוצלונג א ווייטאָג איןביידע זייטען קאָפּ. ווען זיא איז געקומען צו זיך האָט זיא זיך געכאַפּט, אז זיא האַלט מיט ביידע הענד איהרע האָאַר לעבען דיא שלייפען און דריקט זיי. זיא איז אויפגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבען געהן.

— דאָס קאַפע איז פאַרטיג, און דיא מאַדמאַזעל און סעריאָזשא וואַרטען— האָט געזאָגט אַנושקא, וועלכע איז ווידער אריין אין צימער און דערזעהען אז זיא געפינט זיך נאָך אין דערזעלבער לאַגע.

— סעריאָזשא? וואָס סעריאָזשא? — האָט פלוצלונג אַן אויפגעמונטערטע אננא אַ פרעג געטאָהן, דערמאָהנענדיג זיך ערשט פאַר'ן גאַנצען אין־דער־פריה ווע־גען איהר זוהן.

— ער האָט זיך דוכט זיך אין עפּעס פערשולדיגט — האָט געענטפערט מיט א שמייכעל אַנושקא.

— וואָס הייסט זיך פערשולדיגט?

— פערסיקעס זיינען דוכט זיך ביי אייך געלעגען אין צימער, האָט ער שטילינקערהייט איינעם אויפגעגעסען.

דיא ערינערונג וועגען זוהן האָט מיט אמאָל ארויסגעפיהרט אננא'ן פון יענער אונאויסגענגליכער לאַגע, אין וועלכער זיא האָט זיך איינגעפונען. זיא האָט זיך דערמאָנט וועגען יענער אויפריכטיגער, אָבוואָהל איבערטריבענער, ראָלע פון א מוטער, וועלכע לעבט פון איהר זוהן וועגען; דיא ראָלע, וועלכע זיא האָט אויף זיך גענומען אין דיא לעצטע עטליכע יאָהר, און זיא האָט מיט פרייד דערפיהלט אז אפילו אין דער לאַגע, אין וועלכער זיא געפינט זיך איז ביי איהר פאַראַן א מלוכה, וועלכע איז אונאַבהענגיג פון דיא בעציהונגען, וואָס זיא וועט האָבען צום מאַן אָדער צו ווראָנסקין. דיא דאָזיגע מלוכה איז איהר זוהן. אין וואָס פאַר א לאַגע זיא זאָל זיך ניט אַוועקשטעלען, קאָן זיא ניט אַוועקוואַרפען איהר זוהן. זאָל דער מאַן זיא אַרויסשטעלען צו שאַנדע און ארויסיאָגען, זאָל ווראָנסקי צו איהר קאַלט ווערען און פאָרטזעצען פיהרען אַן אונאַבהענגיגען לעבען (זיא האָט ווידער מיט קריינקונג און פאָרוואורף א דיינק געטאָהן וועגען איהם) דעם זוהן קאָן זיא ניט פערלאָזען. זיא האָט א צוועק אין לעבען.

און זיא דאַרף איצט האַנדלען; זיא דאַרף איצט האַנדלען אַזוי צו פער־זיכערען איהר לאַגע מיט איהר זוהן, מען זאָל איהם ניט אָבנעהמען פון איהר. זיא דאַרף דאָס טאָהן שנעל, דאַרף גלייך אָנהויבען וואָס טאָהן איידער עס איז נאָך שפּעט, וויא לאַנג מען האָט נאָך איהם פון איהר ניט אַוועקגענומען. זיא מוז זיך בערוהיגען און ארויס פון דער דאָזיגער מאַטערענדער לאַגע. דער געדאַנק וועגען א טהאַט, וואָס זאָל זיא פערבינדען מיט'ן זוהן, האָט איהר געגעבען דיא בערוהי־גונג; אַוועקפאָהרען ערגעץ מיט איהם.

זיא האָט זיך האַסטיג אָנגעטאָהן, איז אַראָבגעגאַנגען אונטען און איז מיט ענטשלאָסענע טריט אַריינגעגאַנגען אין צימער, וואו עס האָט איהר געוועהנליך

ערוואַרט קאַפּע, סעריאָזשאַ און דיא גאָווערנאַנטין. אָנגעצויגען אין ווייסען איז סעריאָזשאַ געשטאַנען לעבען טיש אונטערן שפּיגעל און מיט איינגעבויגענעם קאָפּ און רוקען, מיט דעם אויסדרוק פון אָנגעשטריינגטער אויפמערקזאַמקייט, מיט וואָס ער איז געווען עהנליך צום פאָטער, האָט ער עפּעס געמאַכט פון דיא בלומען, וועל־כע ער האָט אַריינגעטראָגען.

דיא גאָווערנאַנטין האָט געהאַט אַ בעזונדער שטרייגען פּנים. סעריאָזשאַ האָט שניידענד אַ געשריי געטאָהן, וויא ער פלעגט דאָס אָפט טאָהן: „אַ, מאַמאַ!“ און ער האָט זיך אָבגעשטעלט אונענטשלאָסען: זאָל ער צוגעהן צו דער מוטער, בעגריסען זיא און אַ וואָרף טאָהן דיא בלומען, אָדער פריהער ענדיגען דערמאַכען דעם קראַנץ און דערנאָך צוגעהן בעגריסען דיא מאַמען מיט בלומען?

נאָך דער בעגריסונג האָט דיא גאָווערנאַנטין גענוי און לאַנג דערצעהלט וועגען סעריאָזשאַס האַנדלונג, אָבער אַננאַ האָט ניט געהערט; זיא האָט געטראַכט וועגען דעם, אויב זיא וועט אויך דיא גאָווערנאַנטין דאַרפען מיטנעהמען: „ניין, איך וועל זיא ניט מיטנעהמען — האָט זיא בעשלאָסען — איך וועל פאָהרען אליין מיט'ן זוהן“.

— יאַ, דאָס איז זעהר שלעכט פון דיר — האָט געזאָגט אַננאַ, נעהמענדיג דעם אינגעל פאַר'ן אַקסעל ניט שטריינג, האָט אויף איהם געקוקט און האָט איהם אַ קוש געטאָהן — לאָזט איהם מיט מיר אַ ווײלע — האָט זיא געזאָגט דער פערוואונדערטער גאָווערנאַנטין, און ניט אַרויסלאָזענדיג דעם זוהן פון האַנד, האָט זיא זיך געזעצט צום טיש, אויף וועלכען עס איז שוין געשטאַנען פאַר איהר קאַפּע.

— מאַמאַ, איך... איך... ניין — האָט ער געזאָגט, זוכענדיג צו טרעפען פון אויסדרוק פון איהר פּנים, וואָס ער וועט קריגען פאַר דעם פערסיק.

— סעריאָזשאַ — האָט זיא געזאָגט וויא נור דיא גאָווערנאַנטין איז אַרויס פון צימער — דאָס איז שלעכט, אָבער דוא וועסט דאָך דאָס ווייטער ניט טאָהן? דוא ליעבסט דאָך מיך?

זיא האָט געפיהלט, אַז טרעהרען לויפען איהר אָן אין דיא אויגען. „קאָן איך דען איהם ניט ליעבען? — האָט זיא זיך געזאָגט אַריינקוקענדיג אין זיין צו־שראָקענעם און אין דערזעלבער צייט אויך דערפרעהטען בליק — און קאָן דען זיין, אַז ער זאָל אויך זיין פאַר איינס מיט'ן פאָטער, מיך צו בעשטראָפען? וועט ער אויף מיר גאָר קיין רחמנות ניט האָבען?“ דיא טרעהרען האָבען שוין געפליסט איבער איהרע באַקען און אום זיי צו בעהאַלטען, איז זיא האַסטיג אויפגעשטאַנען און איז כמעט אַרויסגעלאָפען אויף דער טעראַסע.

נאָך דיא שטורעם־רעגענס פון דיא לעצטע טעג איז געוואָרען קאַלטער, קלאָהרער וועטער. אונטער דער העלער זונן, וועלכע האָט זיך דורכגעזעהען צווי־שען דיא אָבגעוואַשענע בלעטער, איז דאָך אין דער לופט געווען קאַלט.

זיא האָט אַ ציטער געטאָהן פון קעלט און פון אינערליכען שרעק וואָס האָט איצט אויף דער פרישער לופט זיא אָנגעכאַפּט מיט אַ נייער קראַפט.

— געה, געה צו מאַריעטע'ן — האָט זיא געזאָגט סעריאָזשאַ'ן, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען צו איהר און זיא האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן הין און צוריק איבער דעם שטרויענעם טעפּיך פון טעראַסע. „וועלען זיי מיר גאָר ניט פער־

צייהען, ניט פארשטעהן וויא דאס האט אנדערש ניט געקאנט זיין?“ — האט זיא זיך געזאגט. און ווידער האט זיא דערפיהלט, וויא אין איהר נשמה הויבט זיך אלעס אן צאפלען אין צוויי — „ניין, ניין, מען דארף ניט טראכטען — האט זיא געזאגט — מען דארף זיך פארטיג מאכען. וואוהין? צו וואס? וועמען מיטנעהמען? יא, קיין מאסקווא מיט דעם אבענד־צוג. מיטנעהמען אנושקען און סעריאזשא'ן און בלויז נויטווענדיגסטע זאכען. אבער פריהער דארף מען זיי ביידען שרייבען“. זיא איז שנעל אוועק אהיים, האט זיך געזעצט אין קאבינעט און האט אנגעשריבען דעם מאן:

„נאך דעם, וואס עס איז פארגעקומען, קאן איך מעהר ניט בלייבען אין אייער הויז. איך פאהר אוועק און נעהם מיט זיך דעם זוהן. איך בין ניט בעקאנט מיט דיא געזעצע און דארום ווייס איך ניט מיט וועמען פון דיא עלטערן דארף בלייבען דער זוהן; אבער איך נעהם איהם מיט זיך, ווארום אהן איהם קאן איך ניט לעבען. זייט גרויסמוטהיג, לאזט איהם זיין ביי מיר.“

ביז דעם פלאץ האט זיא געשריבען שנעל און נאטירליך, אבער דיא ווענדונג צו זיין גרויסמוטהיגקייט, וואס זיא האט אין איהם ניט אנערקענט און די נויטיגקייט צו ענדיגען דעם בריעף ריהרענד האט זיא דא **אבגעשטעלט:**

„ריידען וועגען מיין אייגענער שולד און מיין חרטה קאן איך ניט, ווארום ...“

ווידער האט זיא זיך אבגעשטעלט, ניט געפינענדיג קיין צוזאמענבונד אין איהרע געדאנקען: „ניין האט זיא זיך געזאגט — מען דארף קיין זאך ניט“, האט צוריסען דעם בריעף, האט איהם איבערגעשריבען, דערמאנענדיג קיין ווארט וועגען גרויסמוטה, און זיא האט איהם אזוי פערזיגעלט.

א צווייטען בריעף דארף מען אנשרייבען צו ווראנסקי'ן. זיא האט אנגעהויבען צו שרייבען: „איך האב דעם מאן ערקלעהרט“ און איז געבליעבען זיצען, ניט האבענדיג קיין כח צו שרייבען ווייטער. דאס איז געוועזן אזוי גראב, אזוי ניט ווייבליך. „און וואס זשע קאן איך איהם שרייבען?“ — האט זיא זיך געפרעגט. א פארב פון שאנדע האט ווידער באדעקט איהר פנים, זיא האט זיך דערמאנט אויף זיין רוהיגקייט און א געפיהל פון פערדרוס צו איהם האט איהר געצוואונגען צו צורייסען אויף קליינע שטיקלעך דעם בויגעלע מיט דער אנגעשריעבענער פראזע. „מען דארף קיין זאך ניט“ — האט זיא זיך געזאגט און זיא איז ווידער ארויף אויבען, האט ערקלעהרט דער גאווערנאנטין און דער דינערשאפט אז זיא פאהרט קיין מאסקווע, און האט זיך גלייך גענומען פאר איינפאקען זאכען.

## 16.

איבער אלע צימערן פון זומער־וואָהנונג זיינען ארומגעגאנגען לאקייען, גערטנער, דינער און דינסטען ארויסטראָגענדיג זאכען. שאפעס און קאמאדען זיינען געווען צועפענט; צוויי מאָהל איז מען געלאָפען אין קרעמעל נאָך שטריק; אויף דער פארלאָגע האָט זיך ארומגעוועלגערט צייטונגס־פאפיער. צוויי קאסטענס, זעק און איינגעפאקטע פלעדען זיינען ארייגעטראגען געוואָרען אין פאָדער־צימער. א קארעטע און צוויי פוהרלעך זיינען געשטאנען לעבען צופאָהר. אננא, וועלכע האָט אין אימפעט פון דער ארבייט פארגעכען איהר אינערליכע אויפרעגונג, איז געשטאנען לעבען טיש אין איהר קאבינעט און האָט איינגעפאקט איהר רייזעטאש, ווען אנושקא האָט איהר אָנגעוויזען אויף דעם רויש פון א צוגעפאָהרענעם עקיפאזש. זיא האָט א קוק געטאָהן אין פענסטער און האָט דערקענט דעם קוריער וואָס אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האָט געשיקט. ער האָט געקלונגען אין טיר.

— געה זעה וואָס דאָרט איז אזוינס — האָט זיא געזאָגט און האָט זיך געזעצט אין פוטעל מיט צונויפגעלייגטע הענד, זייענדיג בערייט אָנצונעהמען וואָס עס זאָל ניט זיין. דער לאקעי האָט אריינגעטראָגען א דיקען פאקעט מיט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש'עס האנדשריפט.

— דער קוריער האָט דעם בעפעהל צו ברייגגען אן ענטפער — האָט ער געזאָגט.

— גוט — האָט זיא געענטפערט און וויא נור ער איז ארויס האָט זיא מיט ציטערנדע פינגער אויפגעריסען דעם בריעף. פון איהם איז ארויסגעפאלען א פעקעל אסיגנאציעס, פארקלעפטע אין א באָנדעל, נאָך ניט געקנייטשטע. זיא האָט ארויסגענומען דעם בריעף און האָט אָנגעהויבען לעזען פון ענדע. „איך האָב געמאכט פאָרבערייטונגען וועגען איבערקלייבען זיך, איך לייג פיעל געוויכט אויף דער ערפיעלונג פון מיין געבעט" — האָט זיא איבערגעלעזען. זיא איז געלאָפען מיט דיא אויגען ווייטער אויף צוריק און האָט דאן ווידער איבערגעלעזען דעם בריעף שוין פון אָנהויב ביז'ן סוף. ווען זיא האָט געענדיגט האָט זיא דערפיהלט, אז איהר איז קאלט און אז מיט איהר האָט פאסירט אזא שרעקליכער אונגליק, וועלכען זיא האָט ניט ערווארט.

אין־דער־פריה האָט זיא חרטה געהאט דערויף וואָס זיא האָט דערצעהלט דעם מאן און האָט געוואָלט בלויז איינס, אז דיא ווערטער זאָלען בלייבען אזוי וויא ניט געזאָגט. און דער דאָזיגער בריעף אנערקענט טאקע איהרע ווערטער אלס ניט געזאָגטע און גיט איהר דאָס וואָס זיא פערלאנגט. אָבער איצט האָט זיך איהר דער דאָזיגער בריעף פאָרגעשטעלט אלס שרעקליכער פון אלעס, וואָס זיא האָט זיך ווען עס איז געקאָנט פאָרשטעלען.

„גערעכט! גערעכט! — האָט זיא א זאָג געטאָהן — געוויס, ער איז דאָך שטענדיג גערעכט, ער איז א קריסט, ער איז גרויסמוטהיג! יא, א נידריגער, עקעלהאפטער מענש! און דאָס וויים קיינער ניט אויסער מיר

און קיינער וועט דאָס גאָר ניט קאָנען פאַרשטעהען, און איך קאָן דאָס ניט ערקלעהרען. זיי זאָגען: ער איז א פרומער, א זיטליכער, אן ערהרליכער, א קלוגער מאַן; אָבער זיי זעהען ניט, וואָס איך האָב געזעהען. זיי ווייסען ניט וויא אכט יאָהר האָט ער געשטיקט מיין לעבען, האָט געשטיקט אַלעס וואָס איז געווען לעבעדיגעס אין מיר — אז ער האָט קיין מאָהל ניט א טראכט געטאָהן, אז איך בין דאָך א לעבעדיגע פרויענצימער, וועמען ליעבע איז נויטיג. זיי ווייסען ניט וויא אויף יעדער שריט האָט ער מיך בעליידיגט און ער איז געבליבען צופריעדען מיט זיך. האָב איך דען וויניג געזוכט, מיט אַלע מיינע כוחות געזוכט צו געפינען א בערעכטיגונג פאר אזא לעבען? האָב איך דען ניט געסטאַרעוועט זיך צו ליעבען איהם, ליעבען דעם זוהן, ווען איך האָב שוין מעהר ניט געקאָנט ליעבען דעם מאַן? אָבער עס איז געקומען דיא צייט און איך האָב דערזעהען אז איך קאָן זיך מעהר ניט נאַרען, אז איך בין א לעבעדיגער מענש, אז איך בין ניט שולדיג וואָס גאָט האָט מיך בעשאַפען אזא, וואָס וויל לעבען און ליעבען. און וואָס איז איצט? וואָלט ער מיך בעסער טויטען, וואָלט ער איהם טויטען — איך וואָלט דאָס אַלעס נאָך געקאָנט פערטראָגען, איך וואָלט אַלעס נאָך געקאָנט פערצייהען, אָבער ניין, ער . . . .“

„וויא האָב איך דאָס ניט געטראָפען וואָס ער וועט טאָהן? ער וועט טאָהן דאָס, וואָס עס פאַסט זיך פאר זיין נידריגען כאַראַקטער, ער וועט בלייבען גערעכט, און מיך א רואינירטע וועט ער נאָך ערגער, נאָך נידריגער רואינירען . . . .“ — „איהר קאָנט אַליין אויסרעכענען וואָס עס ערוואַרט אייך און אונזער זוהן“, האָט זיא זיך דערמאָנט דיא ווערטער פון זיין בריעף. „א, דאָס איז א סטראַשונאַק אז ער וועט אָבנעהמען פון מיר דעם זוהן, און לויט זייערע נאַרישע געזעצע מסתמא קאָן דאָס געטאָהן ווערן.

„אָבער ווייס איך דען, פאַר וואָס ער זאָגט דאָס? ער גלויבט ניט אין מיין ליעבע אויך צום זוהן אָדער ער האַסט, ער האַסט דעם דאָזיגען געפיהל מיינעס. אָבער ער ווייס דאָך אז איך וועל דעם זוהן ניט אוועקוואַרפען, איך קאָן איהם ניט אוועקוואַרפען, אז אָהן דעם זוהן קאָן איך ניט לעבען אפילו מיט דעם, וועלכען איך ליעב, אָבער ער ווייס, אז ווען איך זאָל אוועקוואַרפען דעם זוהן און אנטלויפען פון איהם, וועל איך האַנדלען וויא א געמיינע, נידריגע פרויענצימער, דאָס ווייס ער און ווייס, אז מיר וועלען פעהלען דיא קרעפטען אזוינס צו טאָהן.“

„אונזער לעבען דאַרף אַנגעהן וויא פריהער“ — האָט זיא זיך דערמאָנט אויף א פראַזע פון זיין בריעף — „יא דאָס דאָזיגע לעבען איז געווען א פּייניגונג פריהער אויך; עס איז געווען שרעקליך גענוג אין דער לעצטער צייט. היינט וואָס וועט דאָס שוין זיין איצט? און ער ווייס דאָך אַלעס, ער ווייס אז איך קאָן קיין חרטה ניט האָבען דערויף וואָס איך אטהעם, וואָס איך ליעב; ער ווייס דאָך, אז אויסער ליגען און פאַלשקייט וועט דערפון קיין זאַך ניט אַרויסקומען. אָבער ער דאַרף מיך ווייטער מאַטערען. איך קען איהם, איך ווייס, אז ער שווימט אַרום אין ליגען, וויא א פיש אין וואַסער, און האָט דערפון הנאה. אָבער ניין, איך וועל איהם דעם פארגעניגען ניט אנטאָהן; איך וועל

צורייסען דאס שפּינוועבס פון ליגען, אין וועלכע ער וויל מיך פערפּלאנטערען; מעג זיך זיין וואס עס וועט זיין. אלץ בעסער איידער לעבען אין ליגען און פאלשקייט."

„אבער וויא? מיין גאט! גאט מיינער! אבער וויא? איז דען ווען ניט איז א פרויענצימער געווען אזוי אונגליקליך, וויא איך!..." — האט זיא געטראכט

— ניין, איך וועל צורייסען! וועל צורייסען, וועל צורייסען! — האט זיא א געשריי געטאהן אויפשפּרינגענדיג און צוריקהאלטענדיג איהרע טהרערען.

און זיא איז צוגעגאנגען צום שרייב־טיש, אנצושרייבען איהם אן אנדער בריעף. אבער זיא האט טיעף אין הארצען געפיהלט שוין, אז זיא וועט ניט אים־שטאנד זיין קיין זאך צו צורייסען, וועט ניט אים שטאנד זיין ארויסצוגעהן פון דער לאגע, וויא פאלש און אונעהרליך דיא לאגע זאל ניט זיין.

זיא האט זיך געזעצט ביים שרייב־טיש, אבער אנשטאט וואס זאל זיך נעהמען שרייבען א בריעף, האט זיא ארויפגעלייגט דיא הענד אויפ'ן טיש, האט אויף זיי ארויפגעלייגט איהר קאפּ און האט זיך צוואויינט, כליפּענדיג און צוטרויסלענדיג דאס גאנצע הארץ, וויא עס וויינען קינדער. זיא האט געוויינט, וואס איהר טרוים וועגען קלאהר מאכען איהר לאגע, בעשטימען וואס מיט איהר איז, איז הרוב געווארען אויף אימער. זיא האט געוואוסט פאראויס שוין אז אלעס וועט בלייבען ביים אלטען און נאך פיעל ערגער איידער ביים אלטען. זיא האט געפיהלט, אז יענע ראלע וואס זיא האט פארנומען אין דער געזעלשאפט און וואס ערשט אין־דער־פריה האט זיך איהר פארגעשטעלט אלס אזוי פּוסט, אז דיא דאזיגע ראלע איז איהר טהייער און אז זיא וועט ניט אים שטאנד זיין צו פערבייטען דאס אויף דער שענדליכער ראלע פון א פרוי, וואס האט אוועקגעווארפען דעם מאן און דעם זוהן און איז אוועק לעבען מיט א ליובאווניק; זיא האט געוואוסט, אז וויא זיא זאל זיך ניט סטארעווען וועט זיא ניט זיין שטארקער פון זיך אליין. זיא וועט קיין מאל ניט פערזוכען קיין פרייע ליעבע, און וועט אויביג בלייבען א פערברעכערישע פרוי, וועלכע וועט דארפען שטענדיג ציטערן, אז מען וועט ארויכשטעלען איהר שאנדע אלס אבנארערין פון איהר מאן צוליעב דער ליעבע פון א פרעמדען מענשען, מיט וועלכען צוזאמען זיא וועט קיין מאל ניט קאנען פיהרען א געמיינשאפטליכען לעבען.

זיא האט געוואוסט, אז אזוי וועט דאס זיין און אין דערזעלבער צייט איז דאס געווען אזוי שרעקליך, אז זיא האט זיך ניט געקאנט פארשטעלען אפילו מיט וואס דאס קאן זיך ענדיגען. און זיא האט געוויינט אהן אבהאלט, וויא עס וויינען בעשטראפטע קינדער.

דיא טריט פון דעם לאקיי, וועלכע זיא האט דערהערט, האבען זיא געצוואונגען צו קומען צו זיך, און בעהאלטענדיג פון איהם איהר פנים, האט זיא זיך פארשטעלט וויא זיא וואלט געשריבען.

— דער קוריער בעט אן ענטפער — האט געמעלדעט דער לאקיי.

— אן ענטפער? יא — האט געזאגט אננא — זאל ערווארטען. איך וועל אנקלינגען.

„וואָס קאָן איך שרייבען? — האָט זיא געטראַכט — וואָס קאָן איך בעשליסען אליין? וואָס ווייס איך? וואָס וויל איך? וואָס ליעב איך?“ ווידער האָט זיא דערפיהלט, אז עס קומט פאַר א צווייפּאַכקייט אין איהר הארצען. זיא האָט זיך ווידער דערשראָקען פאַר דעם דאָזיגען געפיהל און האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער ערשטער זאַך, וואָס איהר איז געקומען אויפ'ן זינען אום אָבצוציהען איהרע געדאַנקען וועגען זיך. „איך דאַרף זעהען אלעקסייען (אַזוי האָט זיא אין איהרע געדאַנקען גערופען ווראָנסקין) ער אליין קאָן בלויז מיר זאָגען וואָס איך דאַרף טאָהן. איך וועל אַריבערפאָהרען צו בעטסי, עס קאָן זיין אז דאָרט וועל איך איהם טרעפען“, האָט זיא זיך געזאָגט און האָט זיך גאָר פאַרגעסען, אז ערשט נעכטען האָט זיא איהם געזאָגט, אז זיא וועט ניט זיין ביי פירסטין טווערסקאיא און אז ער האָט איהר דערויף געענטפערט אז אויב זיא וועט ניט זיין וועט ער אויך אהין ניט פאָהרען מאָרגען. זיא איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אָנגעשריבען דעם מאַן: „איך האָב ערהאַלטען אייער בריעף. א.“ און אָנקלינגענדיג האָט זיא דעם בריעף דערלאַנגט דעם לאַקיי.

— מיר פאָהרען ניט — האָט זיא געזאָגט אנושקען, וועלכע איז אריינגעקומען.

— גאָר אין גאַנצען ניט?

— ניין, צונעהמט אָבער ניט דיא זאַכען דערווייל ביז מאָרגען, און הייסט איבערלאָזען דיא קאַרעטע. איך פאָהר צו דער פירסטין.

— וואָס פאַר א קלייד זאָל איך אָנגרייטען?

## 17.

דיא געזעלשאַפט פון דער פאַרטיי קראָקעי־שפּילען, אויף וואָס פירסטין טווערסקאיא האָט איינגעלאַדען אננא'ן האָט געדאַרפט בעשטעהן פון צוויי דאַמען מיט זייערע פערעהרער.

דיא דאָזיגע צוויי דאַמען זיינען געווען דיא פאָרשטעהערינס פון א נייעם פעטערבורגער קרייז, וועלכער האָט געטראָגען, אַלס נאָכאַהמונג פון עפּעס א נאָכאַהמונג, דעם נאָמען „דער זיבעטער וואונדער פון דער וועלט“. דיא דאָזיגע דאַמען האָבען בעלאַנגט, אמת, צום העכערען געזעלשאַפטליכען קרייז, אָבער א קרייז וואָס איז געווען פיינדליך צו יענעם קרייז, וועלכען אננא האָט בעזוכט. אויסער דעם, איז איינער פון דעם קרייז, דער אַלטער סטרעמאָוו, וואָס איז געווען איינער פון דיא איינפלוסרייכסטע פערזאָנען פון פעטערבורג און פאַרעהרער פון ליזא מאַרקעלאָווו, געווען אַלס רעגיערונגס־בעאַמטער א שונא פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

איבער דיא דאָזיגע אורזאַכען האָט אננא ניט געוואָלט פאָהרען און צוליעב דעם איז דאָס געווען דיא אָנדייטונג אין פירסטין טווערסקאיאס צעטעלע.

וואָס אננאַ האָט בעקומען. אָבער איצט האָט שוין אננאַ געוואָלט אהין פאָהרען אום צו טרעפען דאָרט ווראָנסקין. זיא איז געקומען צופאָהרען צו דער פירסטין פריהער פון דיא איבעריגע געסט.

אין דער מינוט וואָס זיא איז אריינגעקומען, איז אויך אריינגעקומען ווראָנסקי׳ס לאקיי מיט פערקאמטע באקענבארדען, ענהליך אויף א קאמער־יונקער. ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דער טהיר, און אראָבנעהמענדיג זיין היטעל, האָט ער זיא דורכגעלאָזען אין טהיר. אננאַ האָט איהם דערקענט און האָט זיך דאַן ערשט דערמאָנט, אז ווראָנסקי האָט נעכטען געזאָגט, אז ער וועט אהער ניט קומען.

אראָבנעהמענדיג איהר מאנטעל אין פאָדער־צימער, האָט זיא געהערט וויא דער לאקיי זאָגט „פון׳ם גראַף צו דער פירסטין“ און האָט איבערגעגעבען א צעטעלע. זיא האָט געוואָלט א פרעג טאָהן וואו עס געפינט זיך איצט זיין פריץ. איהר האָט זיך געוואָלט אומקעהרען זיך צוריק, שיקען איהם א בריעף, ער זאָל קומען צו איהר אָדער אליין פאָהרען צו איהם. אָבער זיא האָט שוין ניט געקאָנט טאָהן ניט דאָס ערשטע, ניט דאָס צווייטע און ניט דאָס דריטע: עס האָבען זיך שוין געלאָזט הערען דיא גלעקלעך, וואָס האָבען געמעלדעט אז זיא איז אָנגעקומען און פירסטין טווערסקאיאַס לאקיי איז שוין געשטאַנען פערטיג ביי דער געעפענטער טהיר, ווארטענדיג פאר איהר דורכצוגעהן אין דיא אינערע צימערען.

— דיא פירסטין איז אין גאָרטען, מען וועט איהר גלייך מעלדען. ווינשט איהר ניט אין גארטען אריינצוגעהן? — האָט געזאָגט איהר דער צווייטער לאקיי, אין צווייטען צימער.

איהר לאגע איז געווען דאָ ווידער ניט קלאָהר און אינבעשטימט וויא ווען זיא איז געווען אין דער היים. און דאָס איז געווען נאָך ערגער, ווארום זיא קאָן דאָך דאָ קיין זאך ניט טאָהן, ווראָנסקין זעהען קאָן זיא שוין ניט, אוועקגעהן ניט, בלייבען דאָ מוז זיא שוין און אין אזאַ געזעלשאפט, וואָס איז איהר פרעמד און זיא איז גאָר ניט אויפגעלעגט איצט צו אזאַ נייער בעקאנטאשפט. אָבער זיא איז געווען אין א קאָסטיום, וועלכער האָט איהר געקליידט; זיא האָט דאָס גע־וואוסט, און זיא איז געווען ניט אליין, ארום איז געווען דיא גרויסארטיגע אומ־געבונג, צו וועלכער זיא איז געוואָהנט, און איהר איז איבער דעם געווען אלץ לייכטער אידער אין דערהיים. זי האָט ניט געהאט צו טראכטען דאָ וואָס צו טאָהן. אלעס האָט זיך געטאָהן אליין פון זיך.

ווען בעטסי איז איהר געקומען אנטקעגען אין איהר ווייסען קאסטיום, וועלכער האָט זיא איבערראשט מיט זיין עלעגאנץ, האָט אננאַ א שמייכעל געטאָהן, וויא איהר שטייגער איז תמיד געווען. פירסטין טווערסקאיאַ איז געגאנגען מיט טושקעוויטשען און מיט א פריילין, וועלכע איז געווען איהרע א פערוואנדטע און וועלכע דיא עלטערן פון פראָווינץ האָבען געשיקט מיט גרויס פרייד, זיא זאָל פערברייגגען א זומער מיט דער בעריהמטער פירסטין.

אין אננאַן האָט געמוזט קענטיג זיין עפּעס בעזונדערעס, ווארום בעטסי האָט דאָס גלייך איהר באמערקט.

— איך האָב שלעכט געשלאָפען — האָט געענטפערט אננאַ, איינקוקענדיג

זיך אין דעם לאַקיי, וועלכער איז געקומען זיי אַנטקעגען און, ווי זיא האָט פערשטאַנען, האָט געטראָגען ווראָנסקי׳ס בריעף.

— וויא גערן איך בין וואָס איהר זייט געקומען — האָט געזאָגט בעטסי — איך בין מיעד און האָב נור־וואָס געוואָלט אויסטרינקען אַ טאַסס טהעע ביז וואַנען זיי וועלען אָנקומען. און איהר וואָלט געדאַרפט זיין אַזוי גוט — האָט זיא זיך אַ ווענד געטאָהן צו טושקעוויטשען — און געהן מיט מאַשען נאָכקוקען דעם קראָקעי־גרונד, דאָרט וואו מען האָט אונטערגעשניטען דיא גראָז. מיר וועלען ביים טהעע זיך האַרציג דורכריידען, וויל העוו איי קאָוזי טשעט, ניט וואַהר? — האָט זיא זיך אַ קעהר געטאָהן צו אַננאַן מיט אַ שמייכעל אַ דריק טאָהנ׳דיג איהר האַנד, וועלכע האָט געהאַלטען דעם זונען־שירעם.

— און בפרט, אַז איך קאָן דאָ לאַנג אויך ניט בלייבען, איך מוז נאָך אַריבערפאָהרען צו דער אַלטער ווורעדע, איך האָב איהר הונדערט מאָהל פערשפּראָכען — האָט געזאָגט אַננאַ, פאַר וועלכער ליגען איז געווען אבשטויסענד לויט איהר נאַטור, אָבער איז פאַר איהר איצט געוואָרען ניט נור איינפאַך און נאַטירליך אין געזעלשאַפט, נור האָט איהר אפילו געמאַכט פערגניגען. זיא וואָלט אַליין ניט געקאָנט ערקלעהרען צו וואָס האָט זיא דאָס איצט געזאָגט אַ זאַך, וואָס זיא האָט גאָר קיין מאָהל ניט געטראַכט צו טאָהן. זיא האָט דאָס געזאָגט בלויז דיינקענדיג אַז אַזוי ווי ווראָנסקי וועט דאָ ניט זיין, דאַרף זי זיי עס איז פערזיכערן פאַר זיך דיא פרייהייט צו קאָנען אָוועקגעהן פון דאַנען צו יעדער צייט, ווייל זיא מוז זוכען איהם צו זעהען. נור פאַר וואָס זיא האָט גראַד געפונען אַלס אַן אויסרייד דיא אַלטע פריילין וורעדע וואָלט זיא אַליין ניט קאָנען ערקלעהרען.

— ניין איך וועל אייך פאַר קיין פאַל ניט לאָזען — האָט געענטפערט בעטסי, איינקוקענדיג זיך אויפמערקזאַם אין אַננאַ׳ס פנים — ווירקליך, איך וואָלט זיך גערעכענט בעליידיגט, ווען איך וואָלט אייך אַזוי ניט געליעבט. עס זעהט עפּעס אויס וויא איהר וואָלט מורא האָבען, אַז מיין געזעלשאַפט זאָל אייך ניט קאָמפּראָמעטירען. זייט אַזוי גוט און הייסט אונז דערלאַנגען טהעע אין קליינעם זאַל — האָט זיא געזאָגט צום לאַקיי, אַ קוועטש טאָהנ׳דיג מיט דיא אויגען, וויא אימער.

נעהמענדיג פון איהם דעם בריפעל, האָט זיא איהם דורכגעלעזען.

— אַלעקסיי האָט אונז געמאַכט אַ פאַלשען שפרונג — האָט זיא געזאָגט אויף פראַנצויז: — ער שרייבט, אַז ער קאָן ניט קומען.

— אַ! — האָט גלייכגילטיג געזאָגט אַננאַ, ווי זיא וואָלט זיך ווייניג אינטערעסירט דערמיט און האָט אַלץ געשמייכעלט — וויא קאָן אייער געזעלשאַפט דען עמיצען קאָמפּראָמעטירען?

דאָס דאָזיגע שפּיעלען זיך אין ווערטער, דאָס בעהאַלטען אַ סוד, וועלכען ביידע האָבען געוואוכט, אַז יעדערע ווייס און געמאַכט זיך אַזוי וויא איינע ווייס ניט, אין דיא אַנדערע ווייס, האָט געהאַט עפּעס אַ בעזונדער רייצונג פאַר אַננאַן, וויא פאַר אַלע פרויען. ניט דיא נויטווענדיגקייט צו בעהאַלטען, ניט דער צוועק צוליעב וועלכען דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ סוד, נור דער פּראָצעס אַליין פון מאַכען זיך ניט וויסענדיג איז געווען אַזוי אַנגענעהם פאַר איהר.

— איך קאָן דאָך ניט זיין מעהר קאטאָליש וויא דער פּאַפּסט אליין — האָט זיא געזאָגט — סטרעמאָוו און ליזא מארקעלאָוו, דאָס איז דאָך דיא סמעטענע שבסמעטענע פון דער געזעלשאפט. דערצו ווערען זיי איבעראל אויפגענומען, און א י ך — זיא האָט בעזונדער בעטאָנט דאָס וואָרט א י ך — בין דאָך קיין מאָהל ניט געוועזן שטריינג און אונטאָלעראנט. איך האָב איינפאך קיין צייט ניט דערויף. ניין, אפשר ווילט איהר ניט בעגעגענען זיך מיט כטרעמאָווען? זאָלען זיי זיך, ער מיט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, קעמפּפען אין קאָמיטעט — וואָס האָט עס מיט אונז צו טאָהן? אין געזעלשאפט איז ער אָבער דער ליעבליכסטער מענש, וועלכען איך קען און א ליידענשאפטליכער שפּיעלער אין קראָקעי. איהר וועט אליין זעהען. און ניט קוקענדיג אויף זיין קאָמישער לאגע פון אן אלטען וואָס איז פערליעבט אין ליזא'ן, דארפט איהר זעהען וויא ער פּלאָנטערט זיך ארויס פון דער לאגע! ער איז זעהר ליעבליך. און סאפּאָ שטאָלץ קענט איהר ניט? דאָס איז שוין גאָר א נייער, א נייער טאָן.

וועהרענד בעטסי האָט אזוי גערעדט האָט אננא פערשטאנען פון איהר בליק, אז זיא פארשטעהט איהר לאגע און אז זיא פּלאָנעוועט עפּעס. זיי זיינען געזעסען אין קליינעם קאבינעט.

— אָבער מען דארף דאָך וואָס אָנשרייבען אלעקסייען! — האָט בעטסי געזאָגט און האָט זיך געזעצט לעבען שרייב־טישעל און האָט אָנגעשריבען עטליכע שורות און אריינגעלייגט אין א קאָנווערט זאָגענדיג — איך שרייב איהם אז ער זאָל קומען צופאָהרען צו מיטאג, וואָרום ביי מיר בלייבט איין דאמע צו מיטאג אָהן א קאוואליער. גיט א קוק, אויב עס איז גענוג איבערצייגענד? ענטשולדיגט, איך וועל דאָ אייך איבערלאָזען אויף איין מינוט. זייט אזוי גוט, פערזיגעלט דעם בריעף און שיקט איהם אָב — האָט זיא געזאָגט זייענדיג שוין אין טהיר — און איך דארף נאָך עפּעס באשטעלען.

קיין איין מינוט ניט טראכטענדיג האָט זיך אננא געזעצט לעבען בעטסי'ס שרייב־טישעל און ניט לעזענדיג וואָס בעטסי האָט אָנגעשריבען, האָט זיא צוגעשריבען אונטען: „מיר איז אונבעדינגט נויטיג אייך צו זעהן. קומט צופאָהרען צו ו ו ר ע ד ע ס גארטען. איך וועל דאָרט זיין אום זעקס אוהר". זיא האָט פערזיגעלט דעם בריעף, און בעטסי איז באלד אריינגעקומען און האָט פאר איהרע אויגען אָבגעגעבען דעם בריעף דעם לאקיי.

און ווירקליך ביים טהעע, אין דעם קליינעם קיהלען זאל, האָט זיך צווישען דיא צוויי פרויען ענטוויקעלט, וואָס בעטסי האָט גערופען א „קאָוזי טשעט", וויא זיא האָט פערשפּראָכען צו האָבען מיט אננא'ן ביז וואנען דיא איבעריגע געסט וועלען אָנקומען. זיי האָבען בארעדט דיא, וועלכע זיי האָבען ערווארט אלס געסט און דאָס געשפּרעך האָט זיך אָבגעשטעלט אויף ליזא מארקעלאָווא.

— זיא איז זעהר ליעבליך און איז מיר אימער געוועזן זעהר סימפּאטיש— האָט געזאָגט אננא.

— איהר דארפט זיא ליעבען, זיא טרוימט דאָך אזוי פון אייך. נעכטען איז זיא צו מיר צוגעגאנגען נאָך דיא רייסעס און איז געוועזן פערצווייפעלט וואָס זיא האָט אייך ניט געטראָפען. זיא זאָגט, אז איהר זייט א ווירקליכע העלדין פון

# אננא קארענינא

א ראמאן און אז ווען זיא וואלט געווען א מאנספערזאן וואלט זיא פון אייערטוועגען בעגאנגען טויזענד נארישקייטען. און סטרעמאוו ענטפערט איהר דערויף, אז זיא טהוט זיי אזוי אויך.

— אבער זאגט מיר געפעליגסט, איך האב קיין מאל ניט געקאנט פארשטעהן — האט געזאגט אננא נאך א ווײלע שווייגען — זאגט מיר, וואס זיינען איהרע בעציהונגען צום פירסט קאלוזשסקי, וועלכען אלע רופען מישקא? איך האב זיי ווייניג בעגעגענט צוזאמען. וואס זאל דאס אזוינס זיין?

בעטסי האט א שמייכעל געטאהן מיט דיא אויגען און האט אויפמערקזאם א קוק געטאהן אויף אננא.

— דאס איז אזא מין נייע מאניער — האט זיא געזאגט — זיי האבען אלע איינגעוועהלט דיא דאזיגע מאניער.

— יא, אבער וואס זיינען איהרע בעציהונגען צו קאלוזשסקי?

בעטסי האט זיך פלוצלונג פרעהלאך צולאכט, וואס מיט איהר פלעגט טרעפען זעלטען.

— דאס פארכאפט איהר דאך שוין פירסטין מיאכקאיאם מדינה. דאס איז דאך א פראגע פון א שרעקליכען קינד — און בעטסי האט קענטיג געוואלט זיך איינהאלטען, האט אבער ניט געקאנט און האט אויסגעשאסען אין א פרעהליכען געלעכטער, אין יענעם אנשטעקענדען געלעכטער, וויא עס צולאכען זיך מענשען, וועלכע לאכען זעלטען — דאס דארף מען ביי זיי פרעגען — האט זיא געזאגט דורך טהרערען פון געלעכטער.

— ניין, איהר לאכט — האט געזאגט אננא, וועלכע איז ניט ווילענדיג אנגעשטעקט געווארען פון בעטסיס געלעכטער — אבער איך האב קיין מאהל ניט געקאנט פארשטעהען. איך האב ניט פערשטאנען וואס פאר א ראלע עס שפיעלט דערביי דער מאן.

— דער מאן? ליזא מארקעלאוואס מאן טראגט איהר נאך איהר פלעד און איז אלע מאהל פארטיג זיא צו בעדינען. און וואס דארט איז ווייטער צווישען זיי אין דער ווירקליכקייט, וויל קיינער ניט וויסען. איהר ווייסט דאך, אין גוטער געזעלשאפט רעדט מען ניט און מען דיינקט ניט וועגען אייניגע געוויאיגקייטען פון טואלעטע. אזוי איז דאס אויך.

אננא האט געוואלט ענדערן דעם געשפרעך, אבער בעטסי האט ארויסגענומען א פאפיראסעל, האט פערדרויכערט, האט צוגערוקט איהר שטוהל צו אננא'ס, האט גענומען דיא טאסס טהעע אין האנד און האט אנגעהויבען שוין ניט מיט א געלעכטער:

— איהר זעהט, איך בין אין א גליקליכער לאגע. איך פארשטעה אייך און איך פארשטעה ליזא'ן. ליזא איז איינע פון יענע נאאיווע נאטורען, וועלכע פארשטעהען ניט, וואס גוט איז און וואס שלעכט, וויא קינדער. יעדענפאלס האט זיא דאס ניט פערשטאנען ווען זיא איז נאך געווען זעהר יונג. איצט פארשטעהט זיא, אז דאס ניט פארשטעהען פאסט איהר. איצט פארשטעהט זיא שוין ניט מיט א כיון. אויף יעדע זאך קאן מען קוקען טראגיש, אדער

איינפאך און פרעהלאך. איהר זייט אפשר אויפגעלייגט צו קוקען אויף זאכען צו טרויעריג.

— וויא איך וואָלט וועלען קענען אנדערע אזוי וויא איך קען זיך — האָט געזאָגט אננא ערנסט און האָט זיך פערטראכט — בין איך ערגער פון אנדערע אָדער בעסער? איך מיין, אז ערגער.

— א שרעקליכער קינד זייט איהר, א שרעק וואָס פאר א קינד! — האָט ווידערהאָלט בעטסי — אָבער אָט זיינען זיי שוין אויך דאָ!

18.

עס האָבען זיך דערהערט טריט און א מענערשע שטימע, דערנאָך א פרויען־שטימע און א געלעכטער. באלד זיינען אריינגעקומען דיא ערוואַרטעטע געסט: סאפאָ שטאלץ און א יונגער מענש, וועלכער האָט געשיינט מיט צופיעל געזונד. קענטיג געווען, אז זיין נעדרען זיך מיט בלוט־פלייש, מיט טרייפלעך און בורגונדער וויין געהט ניט אין ניוועץ. מען האָט איהם געוועהנליך גערופען „וואסקא“. דער דאָזיגער וואסקא האָט זיך פערנייגט פאר דיא דאמען און האָט זיי אָנגעקוקט, אָבער ניט לאנג. ער האָט געפאָלגט סאפאָ, געהענדיג נאָך איהר אין צווייטען צימער און איז דורכגעגאנגען נאָך איהר דעם צווייטען צימער אין גרעסערן זאל, וויא ער וואָלט געווען צו איהר צוגעבונדען, און ער האָט פון איהר ניט אראָבגענומען זיינע גלאנציגע אויגען וויא ער וואָלט זיא געוואָלט אויפעסען. סאפאָ שטאלץ איז געווען א בלאנדינקע מיט שווארצע אויגען. זיא איז אריינגעקומען מיט קליינע אָבער פעסטע טריטעלעך אין טופלען מיט הויכע קנאפעל און האָט קרעפטיג, מענליך, א דריק געטאָהן דיא דאמען דיא הענד.

אננא האָט זיך נאָך קיין מאָל ניט באגעגנט מיט דער דאָזיגער נייער בעריהמטהייט און איז געווען איבערראשט אי פון איהר שעהנהייט אי פון איהר טואלעטע, וואָס איז געווען אזוי אויפפאלענד, אי פון דער דרייסטקייט פון איהרע מאניערען. אויף איהר קאָפּ איז געווען אזא פריזור פון אייגענע און פרעמדע גאָלדיג־בלאנדע האָאר, ארויפגעקאמט אין דער הויך, אז איהר קאָפּ האָט זיך געקאָנט פערגלייכען אין הויך מיט איהר גלייכען, רונדען און פון פאָרענט אָפענעם ביוסט. איהר פלינקקייט אלץ צו רייסען זיך פאָראויס איז געווען אזוי שטארק, אז ביי יעדער בעוועגונג האָט זיך פון אונטערן קלייד אָבגעצייכענט דייטליך דיא פאָרמע פון איהרע קניע און דיא אויבערשטע טהיילען פון דיא פיס. און ניט וועלענדיג פלעגט זיך ערוועקען דיא פראגע, וואו ענדיגט זיך אין דעם דאָזיגען אויסגעבילדעטען בעוועגליכען בארג פון הינטען איהר קלייניגקער און שלאנקער קערפער, וועלכער איז אזוי אָפען פון אויבען און איז אזוי בע־האלטען פון הינטען און אונטען.

בעטסי האָט זיך געאיילט פאָרצושטעלען זיא פאר אננאן.

— איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען, מיר האָבען שיער ניט צוטראָטען צוויי סאָלדאַטען — האָט זיא גלייך אָנגעהויבען צו דערצעהלען, צוואווינקענדיג דערביי, שמייכלענדיג און אָבוואַרפענדיג איהר עק, וועלכען זיא האָט מיט אמאָל צוגע־שליידערט צופיעל אויף איין זייט — איך פאָהר אזוי מיט וואסקא׳ן.... אַך, איהר זייט דאָך גאָר נאָך אונבעקאַנט — און זיא האָט פאָרגעשטעלט דעם יונגען מענשען אָנרופענדיג זיין נאָמען און פאַמיליע און איז דערביי רויט געוואָרען, וואָס זיא האָט פאר א פרעמדען מענשען איהם אָנגערופען איינפאך וואסקא. ער, וואסקא, האָט זיך נאָך אמאָל פערנייגט פאר אננא, אָבער האָט איהר גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך א ווענד געטאָהן צו סאפאָ: — פערלאָרען אלזאָ דיא וועטע. מיר זיינען געקומען צופאָהרען פריהער. בעצאָהלט אלזאָ — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיג.

סאפאָ האָט זיך נאָך לוסטיגער צולאכט.

— דאָך ניט איצט — האָט זיא געזאָגט.

— אלץ איינס וועל איך בעקומען שפּעטער.

— גוט, גוט, אַך, יא! — האָט זיא זיך פּלוצלונג א ווענד געטאָהן צו דער ווירטהין — איך בין אויך א גערעטענע... איך האָב גאָר פארגעסען... איך האָב אייך געבראַכט צו פיהרען א גאַסט. דאָס איז ער.

דער אונערוואַרטעטער יונגער גאַסט, וועלכען סאפאָ האָט געבראכט און וועלכען זיא האָט פארגעסען, איז געווען אייגענטליך אזא וויכטיגער גאַסט, אז ניט קוקענדיג אויף זיין יונגקייט, זיינעןביידע דאַמען אויפגעשטאַנען צו באַ־גענענען איהם.

דאָס איז געווען סאפאָ׳ס א נייער פארעהרער. ער איז איצט אויך אזוי וויא וואסקא נאָכגעגאַנגען איהרע טריט.

באלד זיינען אָנגעקומען אויך פירסט קאַליזשסקי און ליזא מארקעלאַווא מיט סטרעמאָווען. ליזא מארקעלאַווא איז געווען א מאגערע ברונעטקע מיט אַן אָריענטאַלישען נאַכלעסיגען, טיפּישען פּנים און מיט פרעכטיגע, אונערקלעהרליכע אויגען. דער איינדרוק פון איהר דונקעלען קאָסטיום (אננא האָט דאָס גלייך באַ־מערקט און אָבגעשאַצט) האָט פּאָלשטענדיג געפּאַסט צו איהר שעהנקייט. אויף וויפיעל סאפאָ איז געווען פלינק און בריה׳שדיג, אויף אזוי פיעל איז ליזא גע־ווען ווייך און אָבגעלאָזען.

אָבער לויט אננאס געשמאַק איז ליזא געווען פיעל אנציהענדער. בעטסי האָט אננאַן געזאָגט וועגען איהר, אז זיא האָט אומזיסטנע אָנגענומען דעם טאָן פון אַן אונוויסענדען קינד, אָבער ווען אננא האָט זיא אליין דערזעהען, האָט זיא דערפיהלט אז דאָס איז ניט אמת. זיא איז ווירקליך געווען אזא וואָס ווייס ניט און איז פערדאָרבען, אָבער א ליעבליכע און אונפערראַנטוואָרטליכע פרויענ־צימער. אמת, איהר טאָן איז געווען אזא וויא סאפאָ׳ס; מען איז איהר נאָכגע־גאַנגען אויך וויא מען איז נאָכגעגאַנגען סאפאָ, וויא מען וואָלט געווען צוגענעהט צו איהר און אויך איהר האָבען צוויי פערעהרער געפרעסען מיט דיא אויגען, איינער א יונגער, דער אנדערער אַן אלטער; אָבער אין איהר איז געווען עפּעס אזעלכעס וואָס איז געווען העכער פון דעם, וואָס רינגעלט זיא ארום — אין

# אננא קארעינינא

איהר איז געוועזען דער פינקעל פון אמת'ן וועסערל פון א בו־יליאַנט צווישען שטיקלאַך גלאַז. דער דאָזיגער פינקעל האָט ארויסגעלויכטען פון איהרע פּרעכ־טיגע, ווירקליך אונערקלעהרליכע אויגען.

דער מידער און אין דערזעלבער צייט ליידענשאַפטליכער בליק פון דיא דאָזיגע אויגען, ארומגערינגעלטע מיט א שווארצען קרייז, האָט איבערראשט מיט זיין פאַלשטענדיגער אויפריכטיגקייט. ארייננקוקענדיג אין דיא דאָזיגע אויגען, האָט זיך יעדען געדוכט, אז ער האָט זיא אין גאַנצען דערקענט און איין מאָל דערקענט האָט מען ניט געקאָנט ניט פערליעבען זיך אין איהר.

דערזעהענדיג אננא האָט איהר גאַנצער פנים זיך בעלויכטען מיט א פרעהליכען שמייכעל.

— אַך, וויא גערן איך בין אייך צו זעהען! — האָט זיא געזאָגט צוקי־מענדיג צו איהר — איך האָב נעכטען אויף דיא רייסעס נור־וואָס געוואָלט צו־געהן צו אייך, זייט איהר שוין אוועקגעפאָהרען. מיר האָט זיך אזוי געוואָלט זעהען אייך און טאקע נעכטען. דאָס איז געוועזען שרעקליך, ניט אמת? — האָט זיא געזאָגט, קוקענדיג אויף אננא'ן מיט איהר בליק וועלכער האָט דוכט זיך צו־עפענט דיא גאַנצע נשמה.

— יא, איך האָב ניט געוואוסט, אז דאָס רעגט אזוי אויף — האָט אננא געזאָגט רויט ווערענדיג.

דיא געזעלשאַפט האָט זיך איז יעם אויגענבליק אויפגעהויבען צו געהן אין גאָרטען.

— איך וועל ניט געהן — האָט געזאָגט ליזא, שמייכלענדיג און צוזע־צענדיג זיך צו אננא — איהר וועט אויך ניט געהן? וואָס פאַר א לוסט, צו שפּיעלען קראקעי!

— ניין, איך ליעב דאָס — האָט געזאָגט אננא.

— אזוי, וויא טהוט איהר דאָס אז אייך איז דערפאַר ניט לאַנגווייליג? ווען מען גיט א קוק אויף אייך ווערט פרעהליך. איהר לעבט און איך לאַנגוויי־ליג זיך.

— וואָס הייסט, איהר לאַנגווייליגט זיך; איהר זייט דאָך דאָס פרעה־ליכסטע באשעפּענעס אין פּעטערבורג — האָט געזאָגט אננא.

— עס קאָן זיין, אז דיא, וועלכע זיינען ניט פון אונזער געזעלשאַפט, איז נאָך לאַנגווייליגער; אָבער אונז איז געוויס ניט פרעהלאָך, נור שרעקליך, שרעקליך לאַנגווייליג.

סאפאָ האָט פערראויכערט א פּאַפּיראָסעל און איז אוועק אין גארטען מיט דיא צוויי יונגע לייט. בעטסי און סטרעמאָוו זיינען געבליבען ביים טהעע.

— וואָס הייסט לאַנגווייליג? — האָט געפרעגט בעטסי — סאפאָ זאָגט דאָך, אז זיי האָבען נעכטען זעהר פרעהלאָך פערבראכט ביי אייך.

— אַך, עס איז געוועזען אזא אומעט! — האָט געזאָגט ליזא מארקעלאָוואַ — מיר זיינען געפאָהרען אלע צו מיר נאָך דיא רייסעס. און אלץ דיזעלביגע, אלץ דיזעלביגע! און אלץ דאָס אייגענע ווידער אמאָל! דעם גאַנצען אבענד האָט מען זיך געוועלגערט אויף דיא דיוואַנעס. וואָס־זשע פרעהליכעס איז פאַראַן דע־

ריין? ניין, זאָגט מיר וואָס טרוט איהר אייך זאָל ניט זיין אומעטיג? — האָט זיא זיך ווידער געווענדעט צו אננא — מען דארף בלויז אויף אייך א קוק טאָהן און מען זעהט שוין, אז אָט איז א פרוי, וועלכע קאָן פיעלייכט זיין גליקליך אָדער אונגליקליך, אָבער לאַנגווייליג איז איהר ניט. לערענט מיך וויא מאַכט איהר דאָס?

— איך מאַך דאָס גאָר ניט — האָט געענטפערט אננא, רויט ווערענדיג פון ליזאס צושטעהן מיט פראַגען.

— דאָס איז טאַקע דיא בעסטע זאַך — האָט זיך אריינגעמישט אין גע־שפּרעך סטרעמאָוו.

סטרעמאָוו איז געווען א מאַן פון א יאָהר פופציג, האַלב גרוי, אָבער נאָך פריש, זעהר ניט קיין שעהנער, אָבער מיט א כאַראַקטער־פולען, קלוגען פּנים. ליזא מאַרקעלאָווא איז געווען זיין פרוי׳ס א פּליעמניצע און ער האָט אַלע זיינע פרייע שטונדען פערבראַכט מיט איהר. בעגעגענענדיג זיך מיט אננא קארענינא און זייענדיג אין אַמטליכע אַנגעלעגענהייטען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס א שונא, האָט ער, אַלס א קלוגער און וועלטליכער מענש געזוכט צו זיין מיט דער פרוי פון זיין שונא בעזונדער העפליך.

— דאָס איז ווירקליך דער בעסטער מיטעל — האָט ער אונטערגעכאַפּט אננא׳ס ענטפער און האָט זיך א ווענד געטאָהן צו ליזא׳ן — איך האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט, אז ווען מען וויל עס זאָל ניט זיין לאַנגווייליג דארף מען ניט טראַכטען פריהער אז עס וועט זיין לאַנגווייליג. דאָס איז פּונקט אזוי וויא מען דארף ניט טראַכטען, אז מען וועט ניט איינשלאָפען ווען מען האָט מורא פאַר שלאָפלאָזיגקייט. דאָסזעלביגע האָט דאָס נור וואָס געזאָגט אננא ארקאַדיעוונא.

— עס וואָלט מיך זעהר געפרעהט, ווען איך וואָלט דאָס געזאָגט, ווארום דאָס איז ניט נור קלוג, דאָס איז אַן אמת — האָט געזאָגט אננא מיט א שמייכעל.

— ניין, איהר זאָגט מיר אָבער, נאָר וואָס פּאַסירט דאָס אז מען קאָן ניט איינשלאָפען און פאַר וואָס איז לאַנגווייליג?

— אום איינצושלאָפען דארף מען ארבייטען, און אום פרעהליך צו זיין דארף מען אויך פריהער ארבייטען.

— צו וואָס־זשע זאָל איך ארבייטען, ווען קיינער דארף מיין ארבייט ניט? און פארשטעלען זיך קאָן איך ניט און וויל ניט.

— אייך וועט מען שוין ניט אויסבעסערען — האָט געזאָגט סטרעמאָוו, ניט קוקענדיג אויף איהר, און ער האָט זיך ווידער געווענדעט צו אננא.

אזוי וויא ער האָט זעלטען בעגעגענט אננאַן האָט ער צו איהר איצט געקאָנט ריידען בלויז ביליגע זאַכען, האָט געפרעגט ווען זיא קלייבט זיך אריבער צוריק אין פּעטערבורג, האָט איהר דערצעהלט וויא גרעפין לידיא איוואַנאָוונא איז פערליעבט אין איהר; און ער האָט דאָס אַלעס גערעדט מיט אזא טאָן, וועל־כער האָט געוויזען, אז ער ווינשט פון גאַנצען הארצען איהר זאָלען זיינע רייד זיין אַנגענעהם און ווייזען איהר זיין אַכטונג און נאָך מעהר אַלס אַכטונג.

טושקעוויטש איז אריינגעקומען און האָט ערקלעהרט, אז דיא גאַנצע

געזעלשאפט וואָרט אָנצופאנגען שפּיעלען קראקעי. דערוויסענדיג זיך אז אננא בלייבט ניט, האָט ליזא מארקעלאווא אָנגעהויבען זיא צו בעטען:

— ניין פאָהרט ניט, בלייבט דאָ, איך בעט אייך.

סטרעמאוו איז אויך צוגעשטאנען:

— דאָס איז אַ צו גרויסער קאָנטראַסט — האָט ער געזאָגט — .צו פאָהרען נאָך דער דאָזיגער געזעלשאפט צו דער אַלטער ווראַדע. און דערצו וועט איהר דאָרט דינען בלויז אַלס אַ צופאַל פאר בעריידען, און דאָ וועט איהר ערוועקען גאָר אנדערע דיא בעסטע געפיהלען און אַקוראַט פארקעהרטע פון בעריידען — האָט ער איהר געזאָגט.

אננא האָט זיך אויף אַ מאָמענט פערטראַכט און איז געווען אונענטשלאָסען. דיא לויב־רייד פון דעם דאָזיגען קלוגען מענשען; דיא נאאיווע, קינדערשע סימפּאַטהיע פון ליזא מארקעלאווא און דיא גאַנצע שטעלונג דאָ האָט אין איהר ערוועקט אונענטשלאָסענהייט. אָבער דערמאָנענדיג זיך וואָס עס ערוואַרטעט זיא, האָט זיא זיך גלייך געזעגענט און איז אוועקגעפאָהרען.

## 19.

וורֹאָנסקי איז געווען אַ מענש, וועלכער האָט ניט ליעב געהאַט קיין אונאָרדנונג ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיין לעבען האָט אויסגעזעהען אזוי לייכטזיניג. נאָך גאַנץ יונגערהייט, ווען ער איז געווען אין קאָרפּוס, האָט ער געפיהלט זיך בעליידיגט, ווען ער האָט זיך פערפּלאָנטערט אין געלד־זאַכען און האָט זיך געדאַרפט ערניעדריגען צו באָרגען געלד. פון דאַן אָן האָט ער געזעהען קיין מאָל ניט אויסצוקומען אין אזא קריטישע לאגע.

אום צו פיהרען זיינע געשעפטען אין אָרדנונג, האָט ער זיך איינינע מאָל אין יאָהר אוועקגעזעצט זיך אַליין און געבראַכט אין אָרדנונג זיינע אנגעלעגענהייטען. ער האָט דאָס גערופען אַ חשבון מאַכען. אויף מאָרגען נאָך דיא רייסעס, ווען ער האָט זיך שפּעט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער ניט געבאָדען זיך, ניט ראזירט זיך, האָט זיך אָנגעטאָהן אין אַ כאַלאַט, האָט צולייגט אויפ'ן טיש רעכענונגען, בריעף, געלד און האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבייט. פּעטריצקי האָט געוואוכט, אז ווען וורֹאָנסקי איז באַשעפטיגט ביי דער דאָזיגער אַרבייט ווערט ער אויפגעבראַכט ווען מען שטערט איהם, דארום זעהענדיג אז וורֹאָנסקי זיצט פערטיעפט אין דיא פּאַפּיערען ביים שרייב־טיש איז ער צו איהם ניט צוגעגאַנגען און איז גאַנץ שטיל אַרויס פון הויז.

דאָס ערשטע, פאַר וואָס וורֹאָנסקי דאָט זיך גענומען וויא פאַר דאָס וויכטיגסטע, זיינען געווען דיא געלד־אַנגעלעגענהייטען. אויסרעכענענדיג מיט זיין קלאָהרער האַנדשריפט אויף אַ בויגעלע פּאָסט־פּאַפּיער זיינע שולדען האָט ער אויסגערעכענט, אז ער איז שולדיג ניט ווייניגער פון זיבעצעהן טויזענד מיט

איינינגע הונדערט. ער האָט דערנאָך געגומען און נאכגעקוקט וואָס עס ווייזט דאָס באנק־ביכעל און דאן איבערצעהלען זיינען מזומן אין באנקנאָטען, און האָט אויסגעפיהרט דעם חשבון אז נאָך אלע חובות אויסצאהלען וועט ביי איהם בלייבען א סוממע פון 1800 רובעל. און פון וואנען ער זאָל ערוואַרטען צו ערהאלטען געלד ביז ניי־יאָהר איז ניט געווען.

ער האָט דאן צוטהיילט זיינע חובות אויפ׳ן פאַפּיער אין דריי אבטהיילונגען. אין דער ערשטער אבטהיילונג זיינען געווען דיא חובות, וועלכע קאָנען ניט אָבגעלייגט ווערען און אויך דיא בעצאהלונג פון וועלכע מען דאַרף באלד האָבען מזומן, אויב מען וויל ניט זיין אין א פערלעגענהייט. אזעלכע חובות זיינען געווען אונגעפעהר א פיער טויזענד רובעל: דאָס דאַרף ער 1500 רובעל בעצאָהלען פאר׳ן פערד און 2500 דאַרף ער בעצאָהלען, וואָס ער איז ערב געווען פאר זיין יונגען חבר וועגעוווסקי, וועלכער האָט זיך פערשפּיעלט צו א שולער אין קאָרטען און וורראָנסקי האָט דאָס פאר איהם גוט געזאָגט. ווראָנסקי האָט נאָך דאן גלייך געוואָלט אוועקגעבען דאָס געלד פאר וועגעוווסקי׳ן, אָבער וועגעוווסקי און יאשווין האָבען גע׳טענה׳ט אז זיי וועלען אליין בעצאָהלען און עס איז געבליבען אויף א צייט אָבצולייגען. אָבער ווראָנסקי האָט געוואוסט, אז גראד דאָס דאָזיגע געלד דאַרף ער האָבען אין מזומן, ער זאָל זיי קאָנען א שלײדער טאָהן דעם שולער ביי דער ערשטער פאָדערונג און מעהר מיט איהם קיין מגע ומשא ניט האָבען.

אין דער צווייטער אבטהיילונג האָט ער אוועקגעשטעלט 8000, דאָס זיינען אויך געווען וויכטיגערע חובות; דאָס זיינען געווען חובות פאַר זיינע רייסעס; פון דערפון האָט ער אויך געדאַרפט א 2000 רובעל באלד איינצאהלען אום צו זיין פאלשטענדיג רוהיג. דיא לעצטע אבטהיילונג איז געווען חובות פאר׳ן האָטעל, דעם שניידער, אלע אזעלכע, וועגען וועלכע עס איז ניטאָ גלייך וואָס צו זאָרגען. אזוי אז אויף דער האנד דאַרף ער האָבען דאָס נויטיגסטע 6000 רובעל, און האָבען האָט ער ניט מעהר וויא 1800 רובעל.

איינגענטליך פאַר א מענשען מיט זיין איינקונפט, ווארום אלע האָבען גערעכענט ווראָנסקיס איינקונפט אין ניט ווייניגער פון 100,000 רובעל יעהרליך, דאַרף אזא סומע קיין בעטרעף ניט האָבען. אָבער דער אמת איז, אז מען האָט געמאַכט א טעות, זיין איינקונפט איז געווען ניט דער ערך ווייניגער פון 100,000 רובעל א יאָהר. און געקומען איז דאָס מחמת דעם, וואָס ווראָנסקי האָט אָבגעגעבען זיין גאנצען איינקונפט זיין ברודער, ווען ער האָט חתונה געהאט מיט דער פירסטין וואריא טשיריקאָווא, וועלכע איז געווען דיא טאָכטער פון א דעקאַבריסט, אָהן מיטלען, און דער ברודער איז געווען דעמאלט איינגעטונקט אין חובות. פון זיין גאנצע איינקונפט האָט ווראָנסקי פאַר זיך איבערגעלאָזט בלויז דיא גיטער, וועלכע האָבען איהם איינגעבראַכט 25,000 יעהרליך. אויסער דעם האָט איהם אויך דיא מוטער פון איהרע בעזונדערע גיטער אָבגעלאָזען יעהרליך 20,000 רובעל. אָבער פון דיא אלע געלדער האָט אלעקסיי ווראָנסקי ניט געשפּאַרט און פלעגט זיי פארלעבען אין גאנצען.

אין דער לעצטער צייט אָבער האָט דיא מוטער איהם אויפגעהערט צו שיקען דאָס געלד, וואָס ער פלעגט פון איהר דאַרפען בעקומען; זיא האָט זיך מיט

# אננא קארעונינא

איהם צוקרינגט פאר זיינע ליעבעס־בעציהונגען און פאר וואס ער איז אבגעפאהרען פון מאסקווא, ווען זיא איז אהין געקומען. איבער דעם האט ווראנסקי, וועלכער האט זיך שוין איינגעוועהנט צו לעבען אויף 45,000 רובעל א יאהר, געמוזט בעשריינקען איצט זיינע הוצאות, ווארום ער האט דעם יאהר מעהר ניט געהאט וויא 25,000 רובעל איינקונפט און ער איז געווען אין א שווערער לאגע. געלד ביי דער מוטער בעטען האט ער ניט געקאנט. איהר לעצטער בריעף, וועלכען ער האט ערשט נעכטען ערהאלטען האט איהם בעזונדער אויפגעבראכט; אין דעם דאזיגען בריעף האט איהם דיא מוטער געגעבען אנצוהערענעס, אז זיא איז פערטיג צו העלפען איהם פאר דעם ערפאלג אין געזעלשאפט און אין זיין אמט, און ניט פאר אזא אויפפיהרונג, וועלכע האט סקאנדאליזירט דיא גאנצע געזעלשאפט.

דער דאזיגער פערלאנג פון דער מוטער אונטערצוקויפען מיט געלד האט איהם שרעקליך בעליידיגט און האט איהם נאך קעלטער געמאכט צו איהר. ער האט זיך אבער ניט געקאנט ענטזאגען פון זיין גרויסמוטהיגען ווארט, וואס ער האט שוין איין מאהל ארויסגעזאגט, אבוואהל ער האט אליין געפיהלט איצט אז דאס גרויסמוטהיגע ווארט איז ארויסגעזאגט געווארען לייכטזיניג און עס קאן זיין, אז ער וועט טאקע דארפען דיא גאנצע הונדערט טויזענד איינקונפט אויב עס זאל זיך אזוי א קעהר טאהן אין זיינע בעציהונגען מיט קארענינא. אבער ער קאן דאך ניט צוריקציהען דעם ווארט וואס ער האט געגעבען זיין ברודער, וויא לייכטזיניג דאס איז ניט געוועזן. ער האט זיך דערמאנט, וויא זיין ברודער'ס פרוי, דיא ליעבליכע, וואוילע וואריא דערמאנט איהם ביי יעדער געלעגענהייט, וויא דאנקבאר זיא איז פאר אלעס וואס ער האט געטאהן פון זייערט וועגען און וויא זיא שעצט זיין גרויסמוטה — ניין, ער קאן ניט צוריקציהען דאס געגעבענע.

דאס איז פאר איהם געווען אזוי שווער, וויא שלאגען א פרויענצימער, גנב'ענען אדער ליגען זאגען. עס איז געווען פאר איהם בלויז איין אויסגאנג און איין מעגליכקייט, אויף וואס ער האט זיך גלייך ענטשלאסען גאר אהן צופיעל שוואנקען: דאס איז בארגען געלד ביי א פראצענטניק, צעהן טויזענד, וואס עס איז פאר איהם גאר ניט אזוי שווער; דערצו וועט ער פערקירצען זיינע אויסגאבען, וועט פערקויפען זיינע רייסעס־פערד.

וויא ער האט דאס בעשלאסען, האט ער גלייך געשיקט א צעטעלע צו ראלאנדאך, וועלכער האט איהם שוין איינינע מאל געמאכט א פארשלאג אבצוקויפען ביי איהם זיינע פערד. ער האט דערנאך געשיקט נאך דעם ענגלענדער, וואס האט פערוואלטעט זיינע רייס־פערד און נאך דעם פראצענטניק, ביי וועלכען ער דארף לייהען געלד. ענדיגענדיג דיא דאזיגע אלע אנגעלעגענהייטען, האט ער אנגעשריעבען א קאלטען און שארפען ענטפער צו זיין מוטער. ארויסנעהמענדיג דערנאך פון זיין טייכטער אננאס דריי צעטעלעך, האט ער זיי איבערגעלעזען, פארברענט, האט זיך דערמאנט אויף דעם שרעקליכען געשפרעך, וועלכער איז צווישען זייביידען געווען און ער האט זיך פערטראכט.

## 20.

ווראָנסקי'ס לעבען איז געווען בעזונדער גליקליך דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אָבגעמאַכטע רעגעלען ביי זיך, וואָס האָבען פאַר איהם בעשטימט אַלעס, וואָס ער דאַרף טאָהן און וואָס ער דאַרף ניט טאָהן. ניט קיין גרויסער קאַרעקס איז דאָס געווען און דיא רעגעלען האָבען מעהר ניט בעריהרט אַ קליינעם קרייז פון אומשטענדען, אָבער דערפאַר איז אין דיא רעגעלען קיין צווייפעל ניט געווען. דיא דאָזיגע רעגעלען האָבען אָהן אַ שום ספק בעשטימט: אַז דעם קאַרטען־שולער דאַרף מען בעצאָהלען, און דעם שניידער מאַכט ניט אויס אַז ניט; אַז פאַר אַ מאַנספּערזאָן דאַרף מען קיין ליגען ניט זאָגען, נור פאַר אַ פרויענצימער מעג מען; אַז אָבנאַרען טאָר מען קיינעם ניט, אָבער אַ מאַן פון אַ פרוי מעג מען; אַ בעליידיגונג טאָר מען קיין מאָל ניט מוחל זיין, אָבער בעליידיגען מעג מען.

דיא דאָזיגע אַלע רעגעלען קאָנען זיך זיין ניט פערנינפטיג, ניט גוט, אָבער צווייפלען אין זיי דאַרף מען ניט, און ערפילענדיג זיי, האָט ווראָנסקי געפיהלט אַז זיין געוויסען איז רוהיג און ער קאָן הויך האַלטען זיין קאָפּ. אָבער בלויז גאָר אין דער לעצטער צייט, איבער זיינע בעציהונגען צו אננאַן, האָט ווראָנסקי אָנגעהויבען פיהלען, אַז דער קאַרעקס פון זיינע רעגעלען האָט נאָך ניט בעשטימט אַלע אומשטענדען פון לעבען און אַז עס שטעהט עפּעס פאַר אין דער צוקונפט פאַר זייערע בעציהונגען, וואָס ער ווייס ניט וויא ער זאָל טאָהן, לויט וועלכע רעגעלען האַנדעלט מען.

זיינע איצטיגע בעציהונגען צו אננאַן און צו איהר מאַן זיינען פאַר איהם געווען קלאָהר און איינפאַך, ווארום דאָס לאָזט זיך בעשטימען פון דיא רעגעלען, וועלכע האָבען זיך אין זיין לעבען אויסגעאַרבייט. זיא איז געווען אַן אנשטענדיגע פרוי, וועלכע האָט איהם געשיינקט איהר ליעבע, און ער האָט זיא געליעבט, און דארום איז זיא פאַר איהם געווען אַ פרוי, וועלכע האָט אין זיינע אויגען פערדיענט מעהר אַכטונג איידער אַ געזעצליכע פרוי. ער וואָלט זיך בעסער לאָזען אַ האַנד אָבהאַקען איידער ער וועט זיך ערלויבען מיט אַ וואָרט אָדער אַן אנדייטונג ניט נור בעליידיגען זיא, נור אפילו צו געהן אַזוי ווייט וויא ניט ארויסווייזען איהר גרויס אַכטונג, יענע אַכטונג, וועלכע אַ פרויענצימער האָט פון איהם צו ערוואַרטען.

זיינע בעציהונגען דעריין צו דער געזעלשאַפט זיינען אויך געווען קלאָהר. אַלע האָבען דאָס געקאָנט וויסען, פאַרדעכטיגען, אָבער קיינער האָט ניט געדאַרפט וואַגען ריידען. אויב עס וואָלט אַזוינס געטראָפען וואָלט ער צווינגען דיא ריידענדע זיי זאָלען אנשווייגען ווערען און האָבען רעספּעקט פאַר דער ניט־עקזיסטירענדער עהרע פון דער פרוי, וועלכע ער ליעבט.

זיינע בעציהונגען צו איהר מאַן זיינען געווען קלעהרער פון אַלעס. פון יענער מינוט אָן זינט זיא האָט ליעב בעקומען ווראָנסקין האָט ער גערעכענט, אַז ער האָט אויף איהר אַ רעכט, וועלכע קיינער קאָן פון איהם ניט אַוועקנעהמען. דער מאַן איז בלויז געווען אַן איבעריגע, שטערענדע פּערזאָן. עס איז קיין צווייפעל

ניט, אז דעם מאַן'ס לאגע איז אַן ערבארמעליכע, אָבער וואָס קאָן מען מאַכען? איין זאַך, אויף וואָס דער מאַן האָט געהאַט א רעכט איז געוועזן, צו פאָדערן פון איהם בעפרידיגונג מיט וואַפען אין האנד, און דערויף איז ווראָנסקי געוועזן פארטיג פון דער ערשטער מינוט אָן.

אָבער אין דער לעצטער צייט זיינען ערשיענען נייע, אינערליכע בעציהונגען צווישען איהם און איהר, וועלכע האָבען ווראָנסקין געשראָקען, און געשראָקען האָבען זיי איהם איבער זייער אונבעשטימטקייט. נעכטען ערשט האָט זיא איהם ערקלעהרט, אז זיא איז שוואַנגער. און ער האָט געפיהלט, אז זיא האָט ערוואַרט פון איהם עפּעס, אַז ניט בלויז אין דער נאַכריכט אליין בעשטעהט דיא גאַנצע זאַך, אַז דאָ פאָדערט זיך פון איהם עפּעס אַזעלכעס, וואָס אין זיין בוך פון רעגעלען איז ניטאָ. און ווירקליך, דאָס האָט איהם געטראָפען עפּעס אזוי פּלוצלונג, און אין דער ערשטער מינ'ט, ווען זיא האָט איהם ערקלעהרט וועגען איהר לאגע, האָט זיין הארץ איהם דיקטירט, ער זאָל פאָדערן זיא זאָל פערלאָזען דעם מאַן. ער האָט דאָס איהר געזאָגט, אָבער איצט, ווען ער האָט דאָס נאַכגעדיינקט, האָט ער קלאָהר דערזעהען, אַז עס וואָלט אפשר געוועזן בעסער אויסצוקומען אָהן דעם. און אין דערזעלבער צייט ווען ער האָט דאָס זיך געזאָגט, האָט ער דאָך מורא געהאַט צו איז דאָס ניט שלעכט אזוי צו טאָהן.

„אויב איך האָב געזאָגט פערלאָזען דעם מאַן, דאַן הייסט דאָך דאָס, פערבינדען זיך מיט מיר: בין איך דערויף פאַרטיג? וויא קאָן איך זיא איצט אוועקפיהרען פון איהר מאַן, ווען איך האָב קיין געלד ניט? לאָמיר רעכענען אפילו, אַז דאָס וואָלט איך שוין קאָנען איינאָרדנען... אָבער וויא קאָן איך זיא אוועקפיהרען אַז איך דיען דאָך אין מיליטער? אויב איך האָב דאָס געזאָגט, דאַרף מען זיך דאָך דערצו מאַכען פאַרטיג, ד. ה. האָבען געלד און ארויס פון דיענסט.“

און ער האָט זיך פערטראַכט. דיא פראַגע וועגען דעם צו זאָל ער ארויס פון דיענסט אָדער ניט, האָט איהם ארויפגעבראַכט אויף אַן אַנדער אומשטאַנד, וועלכער איז בעוואוּסט געוועזן בלויז פאַר איהם אליין און דאָס איז געוועזן דער הויפּט אינטערעס און געהיימער אינטערעס פון זיין לעבען.

עהרענליעבע איז געוועזן דער אלטער טרוים פון זיין קינדהייט און פון זיין יוגענד — א טרוים, אין וועלכען ער האָט זיך אליין פאַר זיך ניט געוואָלט מודה זיין, אָבער וועלכע איז אין איהם געוועזן אַזוי שטאַרק, אַז זיא האָט אין איהם געקעמפּפט מיט דעם געפיהל פון זיין ליעבע צו אננאַ. זיינע ערשטע שריט אין דער געזעלשאַפט און אין דיענסט זיינען געוועזן זעהר געלונגענע, אָבער מיט צוויי יאָהר צוריק האָט ער געמאַכט א גראָבען פעהלער: וועלענדיג ווייזען זיין אונאַבהענגיגקייט האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון א פאָרשלאַג וועלכען מען האָט איהם געמאַכט, האָפענדיג אַז דאָס וועט איהם צוגעבען נאָך מעהר ווערטה אין דיא אויגען פון דער געזעלשאַפט.

זיין בעציהונג צו קארענינא, וואָס האָט אָנגעמאַכט אזא רעש און וואָס האָט געצויגען אויף זיך אלעמענס אויפמערקזאַמקייט, האָט איהם געבראַכט נאָך מעהר גלאַנץ און דאָס האָט אויף א ווײַלע געשטילט זיין זעלבסטליעבע. אָבער דאָ מיט א וואָך צוריק האָט דאָס געפיהל פון אייגענליעבע אין איהם ווידער

אויפגעוואַכט מיט מורא׳דיגע קראַפט. זיינער אַ חבר פון קינדהייט, פון איין קרייז מיט איהם, פון איין געזעלשאַפט און אַ קאַמעראַד אין קאָרפּוס, סערפּוכאָווסקי, מיט וועלכען ער האָט אימער קאָנקורירט, אין קלאַס, אין גימנאַסטיק און אין שטיפעריייען און אויך אין די טרוימען פון עהרען־אויסצייכענונג, האָט זיך די טעג צוריקגעקעהרט פון מיטעל־אַזיען, האָט ערהאַלטען צוויי ראַנגען און מעדאַליען, וואָס אַ יונגער גענעראַל קריגט זעלטען.

וויא נור ער איז געקומען קיין פּעטערסבורג, האָט מען וועגען איהם אָנגעהויבען צו ריידען וויא וועגען אַן אויפגעקומענעם שטערן פון העכסטען גראַד. וורָאָנסקיס אַ קאַמעראַד, אין איינע יאָהרען מיט איהם און צוזאַמען געדיענט אין קאָרפּוס, איז שוין איצט סערפּוכאָווסקי געוועזן אַ גענעראַל און האָט נאָך ערוואַרט דערצו צו געהן העכער און בעקומען אַ שטעלע, וואָס וואָלט האָבען אַ וויכטיגע בעדייטונג אין דער רעגיערונג, און וורָאָנסקי, אָבוואָהל אַן אונאַבהענגיגער, גלענצענדער און געליעבט פון אַ פּרעכטיגער פרויענצימער, איז אָבער דאָך מעהר ניט געוועזן וויא אַ ראָטמיסטער, וועמען מען האָט געלאָזען זיין אונאַבהענגיג וויא ער אַליין גלוסט.

„נאַטירליך, איך בין ניט מקנא און איך קאָן ניט מקנא זיין סערפּוכאָווסקין; אָבער זיין אויסצייכענונג ווייזט מיר, אַז מען דאַרף נור צוטרעפען די צייט און אַזאַ מענש וויא איך קאָן ערגרייכען אַ קאַריערע זעהר שנעל. מיט דריי יאָהר צוריק איז ער געוועזן אין דערזעלביגער לאַגע וואָס איך. ווען איך וועל פערלאָזען מיליטער־דיענסט וועל איך פאַרברענען אַלע שיפען אַהינטער זיך. בלייבענדיג אין דינסט קאָן איך קיין זאַך ניט פערלירען. זיא האָט אַליין געענטפערט, אַז זיא וויל ניט ענדערען איהר לאַגע. און האָבענדיג איהר ליעבע דאַרף איך ניט מקנא זיין סערפּוכאָווסקין" — האָט ער זיך געטראַכט. און פערדרעהענדיג לאַנגזאַם זיינע וואָנצעס, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער. זיינע אויגען האָבען געלויכטען בעזונדער העל און ער האָט געפיהלט יענעם פעסטען, רוהיגען און מונטערען צושטאַנד, וועלכען ער האָט אימער געפיהלט ווען ער האָט זיך קלאָהר געמאַכט זיין לאַגע. אַלעס איז געוועזן וויא נאָך די פריהערדיגע חשבונות, ריין און קלאָהר. ער האָט זיך אַבראַזירט, גענומען אַ קאַלטע וואַנע, האָט זיך אָנגעטאָהן און איז אַרויס.

21.

— און איך קום נאָך דיר. דיינע וועש־וואַשעריי האָט ביי דיר היינט געדויערט זעהר לאַנג — האָט געזאָגט פּעטריצקי — נו, האָסט דו שוין געענדיגט.

— געענדיגט — האָט געענטפערט וורָאָנסקי, אַ שמייכעל טאָהנ׳דיג מיט איין אויג.

— אימער נאָך דיינע חשבונות ביסט דו וויא נאָך אַ באַד — האָט

# אננא קארעני נא

געזאָגט פּעטריצקי — איך קום איצט פון הריצקען אזוי האָט ער גערופען דעם רעגימענט־קאָמאַנדיר) מען וואַרט אויף דיר.

וורעָנסקי האָט ניט ענטפערענדיג געקוקט אויף זיין חבר און האָט גע־טראכט גאָר וועגען וואָס אנדערעס.

— יא, שפּיעלט דאָס ביי איהם מוזיק? — האָט ער געזאָגט צוהערענדיג זיך צו בעקאַנטע קלאַנגען פון טרומייטען — וואָס איז דאָס פאַר א יום־טוב?

— סערפּוכאָווסקי איז געקומען צופאָהרען.

— א־א! — האָט געזאָגט ווראָנסקי — איך האָב גאָרניט געוואוסט.

דער שמייכעל אין זיינע אויגען איז נאָך העלער געוואָרען. איין מאָהל האָט ער פאַר זיך אליין בעשלאָסען אז ער איז גליקליך מיט זיין ליעבע און האָט געאָפּפערט צוליעב איהר מיט זיין עהרען־ליעבע, מיט זיין קאַריערע, האָט שוין ווראָנסקי ניט געקאָנט פיהלען ניט קיין קנאה צו סערפּוכאָווסקין, ניט קיין פּער־דרוס, פאַר וואָס סערפּוכאָווסקי האָט איהם ניט בעזוכט דעם ערשטען, ווען ער איז געקומען צו גאַסט אין זיין רעגימענט. סערפּוכאָווסקי איז אָבער געווען א גו־טער ברודער, און ער איז געווען גערן צו טרעפען זיך מיט איהם.

— א, איך בין זעהר גערן.

פּאָלקאָווניק דעמין האָט פערוואַהנט א גרויסען פּריצישען הויף. דיא גאַנצע געזעלשאַפט איז געווען אויף דעם גרויסען, בעקוועמען אונטערשטען באַלקאָן. דאָס ערשטע וואָס האָט זיך געוואָרפען ווראָנסקין אין דיא אויגען ווען ער איז ארויף אויפ'ן הויף, זיינען דאָס געווען דיא מיליטער־זינגער אין בלוזעס, וואָס זיינען געשטאַנען לעבען א קויפעל מיט בראַנפען און אויפ'ן באַלקאָן דיא געזונדע פיגור פון דעם פּאָלקאָווניק, ארומגערינגעלט פון אָפיצערען. א רעדעל סאָלדאַטען, דער וואַכמיסטער און עטליכע אונטעראָפיצערען זיינען צוגעגאַנגען מיט ווראָנסקין צום באַלקאָן. דער פּאָלקאָווניק איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך דערנאָך אומגעקעהרט צוריק מיט א באָקאַל און האָט אויסגעשריען א טאָסט: „פאַר'ן געזונד פון אונזער געוועזענעם קאַמעראַד און טאַפּפערען גענעראַל פירסט סערפּוכאָווסקי. אורא!"

נאָך דעם פּאָלקאָווניק איז ארויסגעקומען סערפּוכאָווסקי מיט א באָקאַל אין האַנד.

— דוא ווערסט אַלץ יונגער, באָנדאַרענקאָ — האָט ער זיך גלייך א ווענד געטאָהן צו דעם רויט־באַקיגען, בריה'שדיגען וואַכמיסטער, וועלכער האָט גע־דיענט שוין דעם צווייטען טערמין.

דריי יאָהר זיינען שוין אריבער וויא ווראָנסקי האָט ניט געזעהען סערפּו־כאָווסקין. ער איז מאַנהאַפטער געוואָרען, האָט געלאָזען וואַקסען באַקענבאַרדען, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען אזא שלאַנקער וויא געווען, און האָט איבערראַשט אזוי פיעל מיט זיין שעהנקייט, וויפיעל מיט דער צאַרטקייט און גרויסמוטהיגקייט, וואָס איז געלעגען אויף זיין פּנים און אין זיין גאַנצער פיגור. איין ענדערונג האָט אין איהם באַמערקט ווראָנסקי; דאָס איז געווען יענער שטילער, שטענדיגער שיין, וועלכער איז אימער אין דעם פּנים פון מענשען, וואָס זיינען ערפאָלגרייך און זיינען זיכער אז זיי ווערען אנערקענט פון אַלעמען פאַר דעם דאָזיגען ער־

פאָלג. וורָאנסקי האָט געוואוסט, וואָס אזא שיין איז און ער האָט דאָס גלייך געמערקט אין סערפוכאָווסקין.

אראָבגעהענדיג פון דיא טרעפּ האָט סערפוכאָווסקי דערזעהען וורָאנסקין. זיין פּנים האָט זיך בעלויכטען מיט א שמייכעל פון פרייד. ער האָט א הויב געטאָהן דעם קאָפּ אין דער הויך, האָט בעגריסט וורָאנסקין, האָט א הויב געטאָהן דעם באָקאָל, בעווייזענדיג מיט דער דאָזיגער באוועגונג, אז ער מוז פריהער צוגעהן צו דעם וואכמיסטער, וועלכער האָט זיך אויסגעצויגען און אָנגעשטעלט דיא ליפּען צום קושען זיך.

— נו, אָט איז ער אויך! — האָט א געשריי געטאָהן דער פּאָלקאָווניק — און יאשווין זאָגט מיר גאָר אז דוא ביסט גאָר מרה־שחורה׳דיג.

סערפוכאָווסקי האָט א קוש געטאָהן דעם וואכמיסטער אין זיינע פייכטע, פרישע ליפּען און אָבווישענדיג דעם מויל מיט׳ן טיכעל, איז ער צוגעגאנגען צו וורָאנסקין.

— נו, וויא פרעהט עס מיך! — האָט ער געזאָגט דריקענדיג זיין האנד און אָבפיהרענדיג איהם אָן א זייט.

— בעשעפטיגט זיך מיט איהם! — האָט א געשריי געטאָהן צו יאשווינען דער פּאָלקאָווניק אָנווייזענדיג אויף וורָאנסקין און איז אַליין אראָב אונטען צו דיא סאָלדאטען.

— פאר וואָס ביסט דוא נעכטען ניט געווען צו דיא רייסעם? איך האָב געמיינט, אז איך וועל דיך דאָרט טרעפען — האָט געזאָגט וורָאנסקי, בעקוקענדיג סערפוכאָווסקין.

— איך בין געקומען צו שפּעט. ענטשולדיג — האָט סערפוכאָווסקי געזאָגט א וועגד טאָהנ׳דיג זיך צום אדיוטאנט: — הייסט טהיילען פאר דיא סאָלדאטען פון מיינטוועגען, זייט אזוי גוט, וויפיעל עס זאָל דאָרט ניט אָנקומען אויף יעדען.

און ער האָט שנעל ארויסגענומען פון טייסטער דריי הונדערט־רובעלדיגע און איז רויט געוואָרען.

— וורָאנסקי! וואָס, עסען וואָס אָדער אויסטרינקען? — האָט א פרעג געטאָהן יאשווין — עי, אהער דערלאנגט דעם גראף עפּעס צו עסען! און אָט טרינק אויס!

דיא זויפעריי, וועלכע דער פּאָלקאָווניק האָט פעראנשטאלטעט האָט געדויערט לאנג. מען האָט געטרונקען זעהר פיעל. מען האָט געהייבען סערפוכאָווסקין און געוויגט; דערנאָך האָט מען געכאפּט און געהויבען דעם פּאָלקאָווניק. דערנאָך איז אַליין דער פּאָלקאָווניק געגאנגען א טענצעל מיט פּעטריצקין. ווען דער פּאָלקאָווניק איז שוין געווען שטארק מיעד און אָבגעשוואכט האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין הויף אויף א באנק און האָט אָנגעהויבען איבערצייגען יאשווינען, אז רוסלאנד האָט ניט וואָס מורא צו האָבען פאר פּרייסען, בעזאָנדערס, ווען עס זאָל קומען צו אן אטאקע פון קאוואלעריע. דיא זויפעריי האָט זיך אויף א ווייל איינגעשטילט.

סערפוכאָווסקי איז אין דער דאָזיגער ווײלע אריינגעגאנגען אין בארע־

# אננא קארענינא

צימער אום אָבצואוואשען דיא הענד און האָט דאָרט געפונען ווראָנסקין, וועלכער האָט געהאַלטען אין גיסען אויף זיך מיט קאַלטע וואסער. ווען ער האָט גע־ענדיגט איינצוואוואשען זיך האָט ווראָנסקי זיך געזעצט לעבען סערפּוכאָווסקין אויף דעם קליינעם דיוואַן, און עס האָט זיך צווישען זיי אָנגעהויבען א געשפּרעך, וועלכער איז געווען אינטערעסאַנט פאַר זייביידען.

— איך האָב געוואוכּט וועגען דיר אַלעם דורך מיין פרוי — האָט געזאָגט סערפּוכאָווסקי — עס פרעהט מיך וואָס דוא האָסט זיך געזעהען מיט איהר.

— זיא איז בעפריינדעט מיט וואַריא, און דאָס זיינען דיא איינציגע פרויען אין פּעטערסבורג, מיט וועלכע מיר איז אָנגענעהם צו זעהען זיך — האָט געענטפערט ווראנסקי מיט א שמייכעל. ער האָט געשמייכעלט דערפאַר, ווייל ער האָט שוין פאָראויסגעזעהען דיא טהעמא, וועלכע דאָס געשפּרעך וועט בע־ריהרען און דאָס איז איהם געווען אַנגענעהם.

— דיא איינציגע ? — האָט שמייכלענדיג איבערגעפרעגט סערפּוכאַווסקי.

— יא, און איך האָב וועגען דיר אויך געוואוסט, אָבער ניט בלויז וואָס איך האָב געהערט פון דיין פרוי — האָט מיט א שטריינגען אויסדרוק אויף זיין פּנים געזאָגט ווראנסקי — איך האָב זיך זעהר געפרעהט ווען איך האָב געהערט פון דיין ערפאָלג, אָבער דאָס האָט מיך גאָר ניט געוואונדערט. איך האָב ערוואַרט נאָך מעהר.

סערפּוכאַווסקי האָט געשמייכעלט. איהם איז געווען אנגענעהם קענטיג אַזא מיינונג וועגען זיך און ער האָט ניט געפונען פאַר נויטהיג דאָס צו בעהאַלטען.

— און איך, פארקעהרט, איך בין זיך מודה און זאָג אָפען, אז איך האָב ערוואַרט פיעל ווייניגער. אָבער פרעהען פרעהט דאָס מיך זעהר. איך בין זעלבסטליעבענד, דאָס איז מיין שוואכקייט, איך האָב ליעב כבוד און איך בין זיך מודה אין מיין דאָזיגער שוואכקייט.

— עס קאָן זיין, אז דוא וואָלכּט זיך גאָר ניט מודה געווען, ווען דוא וואָלסט ניט געווען ערפאָלגרייך — האָט געזאָגט ווראנסקי.

— איך דיינק ניט — האָט ווידער שמייכלענדיג געזאָגט סערפּוכאווסקי — איך וויל ניט זאָגען, אז אָהן דעם איז ניט ווערטה צו לעבען, אָבער עס וואָלט געווען אומעטיג אָהן דעם. געווים, עס קאָן זיין, אז איך האָב א טעות, אָבער מיר דוכט זיך אז איך האָב פעהיגקייטען פאַר יענעם קרייז פון טהעטיגקייט, וועלכע איך האָב ערוועהלט, און אז דיא מאַכט אין מיין האַנד, וואָס פאַר א מאַכט דאָס זאָל ניט זיין, וועט זיין בעסער איידער אין דיא הענד פון פיעלע פּראָמינענטע — האָט געזאָגט סערפּוכאַווסקי מיט דעם שיינענדען בעוואוסטזיין פון זיין ערפאָלג — און דארום וואָס נעהנטער איך קום צו צו דער דאָזיגער מאַכט, אַלץ צופריעדענער בין איך.

— עס קאָן זיין, אז מיט דיר איז עס אזוי דער פאַל, אָבער ניט מיט אַלעמען. איך האָב אויך אזוי געמיינט, און אָט לעב איך און געפין אויס, אז עס איז ניט ווערטה צו לעבען בלויז צוליעב דעם דאָזיגען צוועק — האָט געזאָגט ווראנסקי.

— דאָס איז עס דאָך ! דאָס איז עס דאָך ! — האָט לאַכענדיג געזאָגט

סערפוכאווסקי — איך האָב דאָך דאָס געוואָלט אָנהייבען ריידען דערפון טאקע, וואָס איך האָב געהערט אז דו האָסט זיך ענטזאגט פון א פּאָרשלאג, וועלכען מען האָט דיר געמאכט פיר א גלענצענדער קאריערע . . . געוויס, איך האָב דיר געגעבען רעכט. . אָבער פיר אלעס זיינען דאָך פאראן בעשטימטע מאניערען. און איך דיינק, אז דיין האנדלונג אליין איז געווען גוט, אָבער געטאָהן האָסט דו דאָס ניט אזוי וויא מען דארף.

— וואָס געטאָהן איז געטאָהן ; דו ווייסט דאָך, איך האָב קיין מאָהל קיין חרטה ניט פון א זאך וואָס איך טהו. אָבגעטאָהן איז פערפאלען. דערצו איז מיר זעהר גוט.

— זעהר גוט . . . בלויז פאר א צייט. אָבער דו וועסט זיך דערמיט ניט בעפריעדיגען. דיין ברודער זאָג איך דאָס ניט.

— נו, איך מיין ניט צו זאָגען, אז דאָס זאָל מיך אין גאנצען בעפרי-דיגען.

— יא, און ניט דאָס אליין. אזעלכע מענשען וויא דו זיינען נויטיג.

— פארוועמען ?

— פארוועמען ? פאר דער געזעלשאפט, פאר רוסלאנד. פאר רוסלאנד זיינען נויטיג מענשען, נויטיג א פארטיי, ווען ניט געהט אלעס און וועט געהן צום טייפעל.

— דאָס הייסט מען דארף וואָס ? אזא פארטיי וויא בערטעניעווס געגען רוסישע קאָמוניסטען ?

— ניין, — האָט פערדרוסליך א קנייטש געטאָהן דעם פנים סערפוכאוו-סקי, פאר וואָס מען איז איהם חושד אין אזעלכע נארישקייט — דאָס איז אלע מאָהל געווען און וועט זיין. עס זיינען ניטאָ קיינע קאָמוניסטען. פאר מענשען פון אינטריגעס איז אלע מאָהל נויטיג אויסצוקלערען א שענדליכע, געפעהרליכע פארטיי. דאָס איז אן אלטער איינפאל. ניין, מען דארף א פארטיי פון מאכט פון מענשען אונאבהענגיגע, וויא דו און איך.

— אָבער פאר וואָס זשע ? — האָט געפרעגט ווראנסקי אנכאפּענדיג אייניגע פערזאָנען — פאר וואָס רעכענסט דו דיא דאָזיגע ניט אלס אונאבהענ-גיגע מענשען ?

— בלויז דערפאר, ווייל דאָס זיינען מענשען וועלכע האָבען ניט אָדער האָבען בירושה ניט געהאט קיין אונאבהענגיגען פערמעגען ; זיי זיינען קיין מאָהל ניט געווען נאָהענט צו דער זונן, אין וועלכער מיר זיינען געבאָרען גע-וואָרען. זיי קאָן מען קויפען פאר געלד אָדער פאר א גוט-וואָרט. און אום צו אנהאלטען זייער שטעלונג מוזען זיי אויסטראכטען עפּעס א ריכטונג, א זאך אין וועלכער זיי אליין גלויבען ניט און וועלכע בריינגט שאדען. און דיא גאנצע ריכטונג איז ניט מעהר וויא א מיטעל צו האָבען א הויז אויף דיא הוצאות פון דער רעגיערונג און א געהאלט דערצו. עס קאָן זיין, אז איך בין ערגער אָדער דומער פון זיי, אָבוואָהל איך זעה ניט פאר וואָס זאָל איך דאָס זיין נארישער און ערגער פון זיי ? אָבער איך און דו האָבען איין וויכטיגע מעלה — דאָס

וואָס אונז איז שווערער צו קויפען. און אזעלכע מענשען זיינען איצט נויטיגער איידער זיי זיינען ווען עס איז געווען.

וראָנסקי האָט געהערט אויפמערקזאַם, אָבער ניט אזוי דער אינהאַלט גופא האָט איהם אינטערעסירט, וויפיעל סערפוכאָווסקי'ס פערהאַלטונג צו זיין טהעטיגקייט; ער האָט שוין אין זינען צו קעמפפען געגען דער רעגיערענדער מאַכט און האָט שוין אין דער וועלט זיינע אנזיכטען, זיינע סימפאטהיען און אנטיפאטהיען, אין דער צייט וואָס פאר איהם האָבען בלויז עקזיסטירט דיא אינטערעסען פון זיין עסקאַדראָן. וראנסקי האָט איצט אויך פערשטאַנען וויא אזוי סערפוכאָווסקי האָט געקאָנט זיין ערפאָלגרייך מיט זיין אונצווייפעלהאַפטער פעהיגקייט צו בעטראַכטען א זאַך, פארשטעהן דיא זאַך און מיט זיין ענטוויקעל־טען שכל און בעגאַבטער שפּראַך, וואָס מען האָט אזוי זעלטען געטראָפען אין דעם קרייז, אין וועלכען ער האָט געלעבט.

וויא אונאנגענעהם דאָס איז איהם ניט געווען, האָט ער פון דעסטוועגען מקנא געווען סערפוכאָווסקי'ן.

— פון דעסטוועגען פעהלט מיר דערצו איין הויפט זאַך — האָט ער גע־ענטפערט: — מיר פעהלט דער וואונש צו הערשען. דאָס איז געווען, אָבער עס איז פערביי.

— ענטשולדיגט מיר, דאָס איז ניט אמת — האָט שמייכלענדיג געזאָגט סערפוכאָווסקי.

— ניין, דאָס איז אמת, אמת!... א י צ ט ווייניגסטענס, אויב איך זאָל וועלען זיין אויפריכטיג.

— יא, דאָס איז אן אמת א י צ ט, דאָס איז אן אנדער זאַך; אָבער דער א י צ ט וועט דאָך ניט זיין אימער.

— עס קאָן זיין — האָט געענטפערט וראנסקי.

— דוא זאָגסט, ע ס ק אָ ן ז י י ן — האָט פאָרטגעזעצט סערפוכאָווסקי אזוי וויא ער וואָלט געטראָפען זיינע געדאַנקען — און איך זאָג דיר, אז דאָס איז ז י כ ע ר. און צוליעב דעם האָב איך דיך געוואָלט זעהען. דוא האָסט געטהאָן וויא עס דארף צו זיין. דאָס פארשטעה איך. אָבער בלייבען אזוי דארף דאָס ניט. מיין ניט, אז איך וויל דיר טובות טאָהן... אָבוואָהל פאר וואָס זאָל איך דאָס ניט וועלען: דוא האָסט מיר געטהאָן אזוי פיעל טובות! לאָמיר האָפען יעדענפאַלס אז אונזער פריינדשאַפט שטעהט העכער פון דעם. יא. — האָט ער געזאָגט צערטליך וויא א פרויענצימער, שמייכלענדיג צו איהם — גיב מיר א „קארט בלאַנש", טרעט ארויס פון רעגימענט, און איך וועל דיך שוין אריינציהען גאנץ אונבעמערקטערהייט.

— אָבער פארשטעה מיך, אז מיר פעהלט קיין זאַך ניט — האָט געזאָגט וראנסקי — איך דארף בלויז אז אלעס זאָל בלייבען וויא עס איז.

סערפוכאָווסקי האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך אוועקגעשטעלט גע־גען איהם.

— דוא האָסט געזאָגט, אז אלעס זאָל בלייבען אזוי וויא עס איז. איך פארשטעה וואָס דאָס בעדייט. אָבער הער, מיר זיינען אין איינע יאָהרען, עס

קאָן זיין אַז דוא האָסט געקענט אַ גרעסערע צאָהל פרויענצימער אַלס איך. אָבער איך בין פערהייראַט, און גלויב מיר אַז ווען מען דערקענט בלויז איין אייגענע פרוי, וועלכע מען ליעבט, קאָנסט דוא דערפון מעהר דערקענען אַלע פרויענצימער איידער ווען דוא זאָלסט זיי קענען אין דיא טויזענדע.

— מיר וועלען גלייך קומען — האָט ווראַנסקי אַ געשריי געטאָהן צו דעם אָפיציער, וועלכער האָט אריינגעקוקט אין צימער און זיי געזאָגט אַז דער פּאָלקאָווניק רופט. ווראַנסקי האָט איצט געוואָלט הערען און אויסגעפינען, וואָס סערפּוכאָווסקי וועט איהם איצט זאָגען.

— און דאָ האָסט דוא מיין מיינונג. פרויען — דאָס איז דער הויפּט שטערונגס־שטיין אין אַ מענשענס טהעטיגקייט. עס איז שווער צו ליעבען אַ פרויענצימער און זיין אים־שטאַנד טהעטיג צו זיין. דערויף איז פאַראַן בלויז איין מיטעל אַז מען זאָל קאָנען בעקוועם ליעבען און דאָס זאָל קיין שטערונג ניט זיין, און דער מיטעל איז, חתונה צו האָבען. יאַ, וויא זאָל איך דיר דאָס געבען צו פאַרשטעהען וואָס איך מיין—האָט געזאָגט סערפּוכאָווסקי, וועלכער האָט געליעבט צו ריידען מיט משלים — וואַרט! וואַרט! . . . יאַ, וויא צו טראַגען עפּעס אַ פּעקעל און טאָהן עפּעס מיט דיא הענד קאָן מען בלויז דאַן, ווען דער פּעקעל איז פערבונדען אויפ'ן רוקען — און דאָס איז חתונה, און דאָס האָב איך דערפיהלט, ווען איך האָב אַליין חתונה געהאַט. ביי מיר זיינען פּלוצלונג פריי געוואָרען דיא הענד, און אויב מען זאָל שלעפּען דעם פּעקעל ניט חתונה האָבענדיג וועלען דיא הענד זיין אַזוי פול, אַז מען קאָן ערשט קיין זאַך ניט טאָהן. גיב אַ קוק אויף מאַזאַנקאָווען, אויף קרופּאָווען. זיי האָבען חרוב געמאַכט זייער קאַריערע איבער פרויענצימער.

— נו, וועלכע פרויענצימער! — האָט געזאָגט ווראַנסקי, דערמאַנענדיג זיך אויף דער פראַנצויזקע און אויף דער אַקטריסע, מיט וועלכע עס זיינען געווען פערבונדען דיא צוויי אָנגערופענע פּערזאָנען.

— אָבער וואָס אַ העכערען נאָמען דיא פרויענצימער האָט אין דער געזעלשאַפט, וואָס אַנגעזעהענער זיא איז אַלץ ערגער איז דאָך. דאָס איז שוין דאָך ניט אַזוי וויא צו שלעפּען אַ פּעקעל אין דיא הענד, נור דאָס הייסט ארויסרייסען דאָס פון דעם אַנדערען.

— דוא האָסט קיין מאָהל ניט געליעבט — האָט שטיל געזאָגט ווראַנסקי, קוקענדיג בעפאָר זיך און טראַכטענדיג וועגען אננא'ן.

— עס קאָן זיין. אָבער דוא דערמאַן זיך אַ מאָל אויף דאָס, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. און נאָך עפּעס: דיא פרויענצימער זיינען אַלע מאַטעריעלער פון דיא מענער. מיר מאַכען פון דער ליעבע עפּעס אַ גרויסאַרטיגע זאַך, און זיי הויבען זיך קיין מאָהל ניט אויף העכער פון דער ערד.

— באַלד! באַלד! — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָהן צו דעם אריינגעהענדען לאַקיי.

אָבער דער לאַקיי איז ניט אריינגעקומען רופען ווידער, ווייל ער האָט געוואָרט. דער לאַקיי האָט געבראַכט אַ צעטעל פאַר ווראַנסקי'ן, זאָגענדיג:

— פאַר אייך האָט דאָס אַ מאַן געבראַכט פון דער פירסטין טווערסקאַיאַ.

ווראנסקי האָט געעפּענט דעם בריעף און איז אַנגעצונדען געוואָרען.

— ביי מיר האָט דער קאָפּ אָנגעהויבען וועה טאָהן. איך וועל געהן אהיים — האָט געזאָגט ווראנסקי צו סערפּוכאָווסקי.

— נו, איז אדיע. זאָגסט דוא מיר צו?

— מיר וועלען ריידען שפּעטער, איך וועל דיך שוין געפינען אין פּעטערבורג.

## 22

עס איז געוועזען שוין נאָך פינף, און דארום האָט זיך ווראנסקי געזעצט אויף יאשווין'ס געדונגענער קארעטע פון אַן איזוואזטשיק און איז געפאָהרען. פאָהרען אויף זיינע אייגענע פערד האָט ער ניט געוואָלט, ווייל מען קאָן זיין קארעטע און זיינע פערד. דיא אַלטע געדונגענע קארעטע, אין וועלכער ער האָט זיך געזעצט איז געוועזען זעהר ברייט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל האָט אויסגעצויגען דיא פיס אויף דעם פאָדערשטען ביינקעל און האָט זיך פערטראכט.

דאָס געפיהל פון בעוואוסטזיין אַז ער וויים וואו ער האַלט מיט זיינע חשבונות, דיא עראינערונג וועגען כערפּוכאָווסקי'ס פריינדשאַפט און וועגען זיינע ליעב־ווערטער, רעכענענדיג איהם פאר אַ נויטיגען מענשען, און דערצו, היפּפּטזעכליך, דאָס ערווארטעטע טרעפען זיך מיט איהר — דאָס אַלעס האָט זיך פעראייניגט אין איין איינדרוק פון לעבענס־פרייד, און דאָס געפיהל פון לעבענס־פרייד איז אין איהם געוועזען איצט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט ניט וועלענדיג געשמייכעלט פאר זיך אַליין. ער האָט אראָבגעלאָזט דיא פיס, האָט פערלייגט איין פוס אויף דער קניע פון דער אַנדער פוס, האָט זיא אריינגענומען אין דיא הענד, אָנגעטאַפּט דיא פעסטע מוסקולען פון דער פוס, וועלכע ער האָט נעכטען אָבגעשלאָגען, ווען ער איז געפאלען מיט'ן פערד, און אָבוואַרפענדיג זיך אויף צוריק מיט בעזונדער הנאה האָט ער עטליכע מאָהל אויפגעאטהעמט מיט פולער ברוסט.

„גוט, זעהר גוט!“ — האָט ער זיך געזאָגט. ער האָט פריהער אויך אָפּט פערזוכט דיא פרייד פון'ם בעוואוסטזיין פון זיין קערפּער, אָבער קיין מאָהל עפּעס האָט ער אַזוי ניט געליעבט זיך, זיין קערפּער, וויא איצט. איהם איז אָנגענעהם געוועזען צו פיהלען דעם לייכטען ווייטאָג אין דער קרעפטיגער פוס, איהם איז אנגענעהם געוועזען צו פיהלען דיא בעוועגונג פון זיינע ברוסט־מוסקולען ביים אטהעמען. דער זעלביגער קלאהרער און קאלטער אויגוסט־טאָג, וועלכער האָט אַזוי פערצווייפעלט געווירקט אויף אננא'ן, האָט זיך איהם אויסגעוויזען אלס אַן ערפרישענדער, אויפמונטערנדער און אויפרייצענדער און ער האָט ערפרישט זיינע באַקען און זיין נאַקען, וועלכע זיינען צופלאמט געוואָרען נאָך דעם וויא ער האָט אויף זיי געגאָסען קאַלטעס וואַסער. דער ריח פון בריליאנטין־פּאמאדע, וואָס האָט זיך געהערט פון זיינע וואָנצעס, האָט איהם געשמעקט בעזונדער אנגענעהם אין דער דאָזיגער פרייער לופט.

אַלעס וואָס ער האָט געזעהען אין פענסטער פון קארעטע, אַלעס אין דער

דאָזיגער קלאהרער קאלטער לופט, אויף דעם דאָזיגען בלייכען אבשיין פון זונן־אונטערגאנג, איז געווען אזוי פריש, אזוי פרעהליך און אזוי קרעפטיג אזוי וויא ער אליין.

— שנעלער, שנעלער ! — האָט ער געזאָגט דעם קוטשער, ארויסרוקענדיג זיך אין פענסטער, און ארויסנעהמענדיג פון קעשענע א דריי־רובעלדיגע, האָט ער זיא ארייננערוקט דעם קוטשער, וועלכער האָט זיך אומגעקוקט. דעם קוטשערס האנד האָט דערפיהלט עפעס לעבען לאנטערנע, און עס האָט זיך באלד דערהערט דאָס קנאקען פון בייטש און דיא קארעטע האָט שנעל זיך א קייקעל געטאָהן איבער דעם גלייכען שאסעע.

„קיין זאך, קיין זאך דארף איך ניט, אויסער דעם דאָזיגען גליק — האָט ער געטראכט קוקענדיג אויף דעם ביינענעם קנעפל פון גלעקעל פון קארעטע און פארשטעלענדיג זיך אז אננא זעהט אוים אזוי רייצענד וויא זיא האָט אויסגעזעהען ווען ער האָט זיא געזעהען דעם לעצטען מאָהל — און וואָס ווייטער, אלץ שטארקער ליעב איך זיא. אָט איז שוין דער גארטען פון וורעדעס דאטשע. וואו־זשע איז זיא דאָ ? וואו ? וויא ? צו וואָס האָט זיא עפעס דא בעשטימט צו בעגעגענען זיך און האָט געשריעבען גאָר אין בעטסים א בריעף ?" האָט ער ערשט איצט א טראכט געטאָהן ; אָבער עס איז שוין קיין צייט ניט געווען צו טראכטען.

ער האָט אָבגעשטעלט דעם קוטשער ניט דערפאָהרענדיג ביז דער אלעע, וועלכע האָט געפיהרט צום הויז. אין אלעע איז קיינער ניט געווען, אָבער אומקוקענדיג זיך צו רעכטס האָט ער זיא דערזעהען. איהר פנים איז געווען בארעקט מיט א שלייער, ער האָט אָבער מיט א בליק פון פרייד א כאפ געטאָהן איהרע פארמען, איהר גאנג, בעזונדער נאָך איין בעשטימטע בעוועגונג אין איהר גאנג, וואָס צייכענט זיך אזוי אוים, און אויף דיא רונדקייט פון איהרע אקסלען און דיא שטעלונג פון קאָפ, און גלייך איז עפעס וויא אן עלעקטרישער שטראָם דורכגעלאָפען איבער זיין קערפער. ער האָט זיך אליין דערפיהלט מיט נייע קרעפטען, פון דיא קרעפטיגע בעוועגונג פון דיא פים ביז דער בעוועגונג פון דיא לונגען ביים אטהעמען און עפעס האָט געקיצעלט זיינע ליפען.

ווען זיא איז צוגעקומען צו איהם האָט זיא קרעפטיג א דריק געטאָהן זיין האנד.

— דוא ביסט ניט אין כעס, וואָס איך האָב דיך געלאָזט רופען ? מיר איז אונבעדינגט נויטיג דיך צו זעהען — האָט זיא געזאָגט. און דער ערנסטער און שטרייננער אויסדרוק פון איהר פנים, וויא ער האָט דערקענט אונטער שלייער, האָט גלייך געענדערט זיין מונטערע שטימונג.

— איך, אין כעס ? אָבער וויא קומסט דוא אהער ?

— עס איז דאָך אלץ איינס וואו — האָט זיא געזאָגט ארויפלייגענדיג איהר האנד אויף זיינע — קום, לאָמיר געהן, איך האָב מיט דיר וועגען וויכטיגעס דורכצורייערען זיך.

ער האָט פערשטאנען, אז עטוואס האט פאסירט און אז דיא דאָזיגע בעגעגעניס וועט ניט זיין א פרייד־בריינגענדע. אין איהר אנוועזענהייט האָט ער קיין מאָהל זיין ווילען ניט געהאט : ניט וויסענדיג דיא אורזאכע פון איהר אונ־

רוזיגקייט, האָט ער שוין געפיהלט אז דיזעלביגע אונרוהיגקייט גיט זיך איהם איבער.

— וואָס־זשע איז דאָס? וואָס? — האָט ער געפרעגט דריקענדיג מיט זיין עלענבויגען איהר האַנד און זוכענדיג צו לעזען אין איהר פנים איהרע געדאַנקען.

זיא איז שווייגענדיג דורכגעגאַנגען עטליכע טריט, האָט זיך אָנגענומען מוטה, און האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט.

— איך האָב דיר נעכטען ניט געזאָגט — האָט זיא אָנגעהויבען און זיא האָט האַסטיג און שווער געאָטהעמט — איך האָב דיר ניט געזאָגט, אז אומקעהרענדיג זיך מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען אהיים, האָב איך איהם אַלעס געזאָגט . . . האָב איהם געזאָגט, אז איך קאָן ניט זיין מעהר זיין פרוי, אז . . . און איך האָב אַלעס געזאָגט . . .

ער האָט זיא געהערט, ניט ווילענדיג אָנגעבויגען מיט זיין גאַנצער טאַליע וויא ער וואָלט וועלען דערמיט ווייכער מאַכען איהרע ליידען, אָבער וויא נור זיא האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך אויסגעגלייכט און זיין פּנים האָט אָנגענומען א שטאָלצען און שטרייגנגען אויסדרוק.

— יא, יא, אַזוי איז עס בעסער, טויזענד מאָל בעסער! איך פאַרשטעה וויא שווער דיר איז דאָס געווען — האָט ער געזאָגט. אָבער זיא האָט ניט געהערט זיינע ווערטער, זיא האָט געלעזען זיינע געדאַנקען לויט עם אויסדרוק פון זיין פּנים. זיא האָט ניט געקאָנט וויסען, אז דער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט בעדאַנגט צום ערשטען געדאַנק וואָס איז ארויפגעקומען ווראָנסקין אויפ'ן זינען — וועגען דער אונפערמיידליכקייט פון א דועל. איהר איז קיין מאָל אויפ'ן זינען ניט ארויף דער געדאַנק וועגען א דועל און דאָרום האָט זיא דעם מאָמענטאַלען אויסדרוק פון שטרייננגקייט ערקלעהרט אַנדערש.

ערהאַלטענדיג דעם מאַנ'ס בריעף, האָט זיא שוין טיעף ביי זיך אין האַרצען געוואוסט, אז אַלעס וועט בלייבען ביים אַלטען, אז זיא וועט ניט האָבען דיא כוחות שיידען זיך מיט איהר שטאַנד אין דער געזעלשאַפט, אוועקוואַרפען דעם זוהן און פעראייניגען זיך מיט איהר ליעבהאַבער. דער אין־דער־פריה, וועלכען זיא האָט פערבראַכט ביי דער פירסטין טווערסקאיא, האָט זיא נאָך מעהר פערזיכערט דעריין. אָבער צו זעהען זיך מיט איהם איז פאַר איהר געווען זעהר און זעהר וויכטיג. זיא האָט געהאָפט, אז זייער זעהען זיך וועט ענדערען זייער לאַגע און דאָס וועט פאַר איהר זיין א רעטונג. אויב ער וועט איהר איצט זאָגען ענטשיעדען, ליידענשאַפטליך, אָהן א מינוט איבערטראַכטענעס: וואַרף אוועק אַלעס און לויף מיט מיר, וועט זיא אוועקוואַרפען דעם זוהן און וועט אוועק מיט איהם. אָבער דיא דאָזיגע נאַכריכט האָט אויף איהם ניט געווירקט אַזוי וויא זיא האָט דאָס ערוואַרט: ער האָט זיך בלויז אַזוי וויא פון עפּעס בעליידיגט.

— מיר איז גאָרניט שווער געווען. דאָס האָט זיך געטאָהן אַליין פון זיך — האָט זיא געזאָגט אויפגערעגט — און אָט איז...

זיא האָט ארויסגענומען פון האַנדשוה דעם מאַנס בריעף.

— איך פערשטעה, איך פערשטעה — האָט ער זיא איבערגעשלאָגען נעה־

מענדיג דעם בריעף, אָבער ניט לעזענדיג איהם און זוכענדיג זיא צו בערוהיגען;

— איך האָב נאָר איין זאַך פערלאַנגט, איך האָב נאָר איין זאַך געבעטען — צורייסען דיא דאָזיגע לאַגע, איך זאָל קענען ווידמען מיין לעבען פאַר דיין גליק.

— צו וואָס זאָגסט דו דאָס מיר — האָט זיא געפרעגט — קאָן איך דען דעריין צווייפלען? ווען איך וואָלט געצווייפעלט...

— ווער געהט דאָס? — האָט אַ זאָג געטאָהן פּלוצלונג ווראָנסקי, אָנווייזענדיג אויף צוויי דאַמען, וועלכע זיינען געגאַנגען אַנטקעגען: — עס קאָן זיין, אַז זיי קענען אונז! — און ער האָט שנעל אַ קעהר געטאָהן זיך צום זייטיגען וועג, מיטשלעפּענדיג אויך איהר.

— אַך, מיר איז גאַנץ גלייך! — האָט זיא געזאָגט. איהרע ליפּען האָבען געציטערט. און איהם האָט אויסגעוויזען, אַז איהרע אויגען האָבען מיט אַ זאָנדערבאַרען צאָרען געקוקט אויף איהם פון אונטערן שלייער — איך זאָג דאָך, אַז ניט אום דעם האַנדעלט זיך עס; אָבער דאָס איז וואָס ער שרייבט מיר. לעז.

זיא האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט. ווראָנסקי האָט איצט לעזענדיג איהר מאַנס בריעף, ווידער אָבגעגעבען זיך מיט דעם געפיהל וואָס פריהער, אין דער מינוט ווען זיא האָט איהם דערציילט, אַז זיא האָט ערקלערט אַלעס דעם מאַן. איצט ווען ער האָט געהאַלטען אין האַנד זיין בריעף, האָט ער זיך ניט וועלענדיג פאָרגעשטעלט, וויא ער איז אַריינגערופען געוואָרען אויפ'ן דועל, וואָס עס וועט מסתמא היינט אָדער מאָרגען פּאַסירען, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם דועל גופא, וויא ער וועט שטעהן מיט'ן זעלביגען קאַלטען און שטאָלצען אויסדרוק וואָס איז איצט געווען אויף זיין פּנים, וויא ער וועט אויסשיכען אין דער לופט און וועט שטעהן און וואַרטען אויף דעם שאָס פון דעם בעליידיגטען מאַן. און דאָ טאַקע האָט אַ בליץ געטאָהן אין זיין קאָפּ דער געדאַנק וועגען דעם, וואָס סערפוכאָווסקי האָט איהם געזאָגט און וואָס ער האָט אין דער פריה אַליין שוין געטראַכט: אַז עס איז בעסער ניט צו פערבינדען זיך, און ער האָט געוואוסט, אַז דעם דאָזיגען געדאַנק קאָן ער איהר ניט אַרויסזאָגען.

איבערלעזענדיג דעם בריעף, האָט ער אויף איהר אויפגעהויבען דיא אויגען, און אין זיין בליק איז קיין פעסטקייט ניט געווען. זיא האָט באַלד פערשטאַנען, אַז ער האָט שוין אַליין פאַר זיך פריהער געטראַכט וועגען דעם. זיא האָט געוואוסט, אַז וואָס ער זאָל איהר ניט זאָגען, וועט ער איהר ניט זאָגען אַלעס וואָס ער טראַכט. און זיא האָט פערשטאַנען, אַז איהר לעצטע האָפנונג האָט איהר אָבגענאַרט; דאָס איז געווען ניט דאָס וואָס זיא האָט ערוואַרט.

— דוא זעהסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענש — האָט זיא געזאָגט מיט אַ ציטעריגער שטימע — ער...

— פערצייהע מיר, אָבער דאָס פרעהט מיך — האָט איבערגעשלאָגען איהרע רייד ווראָנסקי — אום גאָטעס ווילען לאָז מיך דעררעדען — איך פרעה זיך דערפאַר, ווייל דאָס קאָן ניט, דאָס קאָן בשום אופן ניט בלייבען אַזוי, וויא ער שלאָגט פאָר.

— פאַר וואָס קאָן דאָס ניט זיין אַזוי? — האָט געזאָגט אננא, איינהאַלטענדיג איהרע טרעהרען; קענטיג אַז זיא האָט שוין ניט געלייגט קיין בעזונדער

געוויכט אויף דאָס וואָס ער וועט זאָגען. זיא האָט געפיהלט, אַז איהר שיקזאַל איז ענטשיידעט.

װראָנסקי האָט געוואָלט זאָגען, אַז נאָך דעם אונפערמיידליכען דועל וועט זיך דאָס ווייטער אַזוי ניט קאָנען ציהען. אָבער געזאָגט האָט ער גאָר וואָס אַנדערש.

—עס קאָן ווייטער ניט פאָרטגעזעצט ווערען. איך בין זיכער, אַז איצט וועסט דוא איהם פערלאָזען. איך האָף, — ער האָט זיך צוטומעלט און איז רויט געוואָרען — אַז דוא וועסט מיר ערלויבען איינאָרדנען און בעדיינקען וועגען אונזער לעבען, שוין מאָרגען.... — האָט ער געוועזן אָנגעהויבען.

זיא האָט איהם אָבער ניט געלאָזען דערריידען.

— און דער זוהן? האָט זיא אויסגעשריען — דוא זעהסט דאָך וואָס ער שרייבט: איך דאַרף איהם איבערלאָזען און איך קאָן דאָס ניט און וויל דאָס ניט טאָהן.

— אָבער, אום גאָטעס ווילען, וואָס־זשע איז בעסער: פערלאָזען דעם זוהן אָדער פאָרטזעצען ווייטער צו זיין אין דער דאָזיגער ערנידעריגענדער לאַגע?

— פאַר וועמען אַן ערניעדריגענדע לאַגע?

— פאַר אַלעמען און מעהר פון אַלעם פאַר דיר!

— אַן ערנידעריגענדע, זאָגסט דוא... זאָג דאָס ניט. דיא דאָזיגע ווערטער האָבען פאַר מיר קיין זינען ניט — האָט זיא געזאָגט מיט אַ ציטעריגער שטימע. איהר האָט זיך ניט געוואָלט אַז ער זאָל איצט זאָגען ניט קיין אמת. איהר איז בלויז געבליעבען זיין ליעבע, און זיא האָט איהם געוואָלט ליעבען. — דוא פערשטעהע, אַז פון דעם טאָג אָן, וואָס איך האָב דיך ליעב בעקומען, האָט זיך אַלעס געענדערט. פאַר מיר עקזיסטירט בלויז איינס און איינס — דאָס איז דיין ליעבע. אויב זיא איז מיינע, דעמאָלט פיהל איך זיך אַזוי הויך, אַזוי פעסט, אַז קיין זאַך קאָן פאַר מיר ניט זיין ערנידעריגענד. איך בין שטאָלץ מיט מיין לאַגע, דערפאַר וויל... איך בין שטאָלץ דערמיט... שטאָלץ — זיא האָט ניט דערערדט מיט וואָס זיא איז געוועזן שטאָלץ. טהרערען פון שאַנדע און פערצווייפלונג האָבען געשטיקט איהר שטימע. זיא האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט זיך צושלוכצט.

ער האָט אויך געפיהלט, אַז עפּעס הויבט זיך אויף אין זיין האַלז, קנייפּט איהם אין נאָז — און ער האָט צום ערשטען מאָהל אין זיין לעבען דערפיהלט פאַרטיג צו צוואַויינען זיך. ער וואָלט ניט געקאָנט זאָגען וואָס אייגענטליך האָט איהם גערירט; איהם האָט פערדראָסען פאַר איהר און ער האָט געפיהלט, אַז ער קאָן איהר ניט העלפען, און אין דערזעלבער צייט האָט ער געוואוסט אַז ער איז דיא אורזאַכע פון איהר אונגליק, אַז ער האָט געטאָהן עפּעס אַזוינס וואָס איז ניט גוט.

— איז דען אונמעגליך אַ גט?—האָט ער געזאָגט שוואַך. זיא האָט ניט געענטפערט און האָט בלויז אַ שאָקעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ — קאָן מען דען ניט נעהמען דעם זוהן און פון דעסטוועגען פערלאָזען איהם?

— יא, אָבער דאָס אַלעס הענגט דאָך אָב פון איהם. איצט מוז איך פאָה־

רען צו איהם — האָט זיא געזאָגט טרוקען. איהר פּאָרגעפּיהל, אַז אַלעס וועט בלייבען וויא געוועזען האָט איהר ניט אָבגענאַרט.

— דינסטאג וועל איך זיין אין פּעטערבורג, און אַלעס וועט בעשלאָסען ווערען.

— יא — האָט זיא געזאָגט — אָבער מיר ווע‏לען מעהר וועגען דעם ניט ריידען.

אַננאַס קאַרעטע, וועלכע זיא האָט אַוועקגעשיקט און וועלכער זיא האָט געהייסען צו קומען צו פאָהרען צו דער גראַטע פון ווערדעס גאָרטען, איז שוין אונטערגעפּאָהרען. אננאַ האָט זיך געזעגענט מיט ווראָנסקי'ן און איז אַוועק אהיים.

## 23

מאָנטאַג איז געוועזען דיא געוועהנליכע זיצונג פון דער קאָמיססיאָן פון צווייטען יוני. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אריין אין זאאַל פון דער זיצונג, האָט געגריסט דיא מיטגליעדער און דעם פּאָרזיצענדען, וויא געוועהנליך, און האָט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַטץ, אַוועקלייגענדיג זיין האַנד אויף דיא פּאַ־פּיערען, וואָס זיינען געלעגען לעבען איהם; אין דיא פּאַפּיערען זיינען געוועזען אויסקינפּטע און אויך דער קאָנספּעקט פון דער ערקלערונג, וועלכע ער האָט גע־האַט בדעה צו מאַכען. איבעריגענס האָט ער דיא פּערצייכנונג ניט געדאַרפט און ניט דעם קאָנספּעקט; ער האָט געוואוסט אַלעס אויסוויינינג, און פאָרמולירען זיין רעדע ביי זיך אין קאָפּ האָט ער אויך ניט געהאַלטען פאַר נויטיג; ער האָט געוואוסט, אַז ווען עס וועט קומען דערצו און זיין געגנער וועט זיך אַוועקשטעלען געגען איהם, וועט ער שוין ריידען און זיין רעדע וועט זיין געלונגענער און ווירק־זאַמער איידער ווען ער וואָלט זיך צוגרייטען. ער האָט געפּיהלט, אַז דער אינהאַלט פון דער ערקלערונג, וועלכע ער האָט צו מאַכען איז אַזוי גרויס, אַז דיא רעדע וועט מוזען זיין אַ לאַנגע און יעדעס וואָרט וועט האָבען אַ בעדייטונג.

דערווייל האָט ער געהערט דעם רעפּאָרט מיט אַ שטילען, געוועהנליכען, רוהיגען פּנים. קיינער וואָלט ניט געגלויבט אַז פון זיינע ליפּען וועלען באַלד ארויסשטראָמען אַזעלכע רייד, וועלכע וועלען מאַכען אַ שרעקליכען שטורעם, וועלען צווינגען דיא מיטגליעדער צו שרייען, איבערלאָזענדיג איינער דעם צווייטענס רייד און דער פּאָרזיצענדער וועט מוזען פאָדערען, מען זאָל זיך האַלטען אין אָרדנונג.

ווען דער רעפּאָרט איז געוועזען צו ענדע האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש מיט זיין דינע, שטילע שטימע ערקלעהרט, אַז ער האָט מיטצוטהיילען זיינע מיינונגען וועגען דער אַנגעלעגענהייט פון דיא פרעמד־געבאָרענע. אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט איז איצט געוועזען געווענדעט אויף איהם. ער האָט זיך אָבגע־הוסט און ניט קוקענדיג אויף זיין געגנער, נאָר אויסקלייבענדיג, וויא ער האָט

דאָס תמיד געטאָהן, דיא ערשטע פּערזאָן, וואָס איז געזעסען אַנטקעגען איהם — אַ קליינינקען, רוהיגען אַלטינקען, וועלכער האָט קיין מאָהל זיין אייגענע מיינונג ניט געהאַט אין דער קאָמיסיאָן, האָט ער אָנגעהויבען פאָרצולייגען זיינע אַנזיכטען.

וויא ער איז געקומען צו דעם פּלאַץ, וואו ער האָט ערקלערט אַז עס איז נויטיג אַ גרינדליכע ענדערונג פון געזעץ, איז זיין געגנער אויפגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבען אָבשלאָגען איהם. כטרעמאָוו, וועלכער איז אויך געווען אַ מיטגליעד פון דער קאָמיססיאָן און וועלכער האָט זיך אויך גערעכענט פאַרלעצט, האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבען פערטהיידיגען זיינע אייגענע מיינונגען, און עס איז אין אַלגעמיין געווען אַ שטורעמדיגע זיצונג. אָבער צום סוף האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש טריאומפירט און זיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען. אויף מאָרגען איז קיין אַנדער געשפּרעך ניט געווען אין דער בעוואוסטער פּעטערבורגער געזעלשאַפט וויא בלויז וועגען דער דאָזיגער זיצונג און וועגען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס גרויסען זיעג. דער זיעג איז געווען גרעסער איידער ער האָט אַליין ערוואַרט.

אויף מאָרגען, ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער מיט הנאה דערמאָנט זיך וועגען זיין נעכטיגען זיעג און האָט אַ שמייכעל געטאָהן, אָבוואָהל ער האָט געוואָלט מאַכען דעם איינדרוק, אַז ער איז גלייכגילטיג, ווען דער פּערוואַלטער פון זיין קאַנצעלאַריע האָט איהם געוואָלט געבען אַ חניפה און דערצעהלט וויא ער האָט געהערט וועגען זיין זיעג.

זייענדיג בעשעפטיגט מיט דעם פערוואַלטער פון קאַנצעלאַריע האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גאָר געווען פערגעכען וועגען דעם, אַז היינט איז דינסטאַג, — דער טאָג, וועלכען ער האָט בעשטימט פאַר אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ איבערצוקלייבען זיך פון דאַטשע קיין פּעטערבורג; ער האָט זיך פערוואונדערט און האָט געפיהלט אַן אונאַנגענעהמע איבערראַשונג, ווען דער לאַקיי איז אַריינגעקומען און געמעלדעט אַז זיא איז געקומען צופאָהרען.

אַננאַ איז אָנגעקומען קיין פּעטערסבורג גאַנץ פריה. ער איז ניט געגאַנגען זיא בעגעגענען. מען האָט איהר געזאָגט, אַז ער איז נאָך ניט אַרויס פון זיין קאַבינעט און איז בעשעפטיגט מיט׳ן פערוואַלטער פון קאַנצעלאַריע. זיא האָט געהייסען זאָגען דעם מאַן, אַז זיא איז געקומען צופאָהרען און איז אַליין אַוועק אין איהר קאַבינעט און האָט זיך גענומען צו צונעהמען דיא זאַכען, ערוואַרטענדיג אַז ער וועט אַריינקומען צו איהר. עס איז אָבער אַריבער אַ שטונדע און ער איז ניט געקומען. זיא איז אַריין אין עסס־צימער מיט דעם אויסרייד אָבצוגעבען עפּעס אַ בעפעהל צו דער דיענערשאַפט און זיא האָט מיט אַ כיון גערעדט הויך, רעכענענדיג אַז ער וועט דערהערען און וועט אַריינקומען; ער איז אָבער ניט אַריין, אָבוואָהל ער איז אַרויסגעקומען פון זיין קאַבינעט אום צו בעגלייטען דעם פערוואַלטער פון קאַנצעלאַריע. זיא האָט געוואוסט, אַז באַלד דאַרף ער אַוועק אויף זיין אַמט, און איהר האָט זיך געוואָלט זעהען איהם איידער ער געהט אַוועק פון הויז, אום זייערע בעציהונגען זאָלען בעשטימט ווערען.

זיא איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן זאַאַל און איז מיט ענטשלאָסענע טריט

געגאַנגען צו איהם. ווען זיא איז אַריין אין קאַבינעט, איז ער געזעסען אָנגעטאָהן אין זיין וויצע־מונדיר לעבען קליינעם טישעל; ער איז געווען צוגעגרייט אַוועקצופאָהרען; ער איז אָבער געזעסען מיט דיא עלענבויגענס אָנגעלעהנט אויפ׳ן טישעל און האָט טרויעריג געקוקט בעפאָר זיך. זיא האָט איהם דערזעהען פריהער איידער ער איהר און זיא האָט פערשטאַנען אַז וועגען איהר איז ער דאָס פערטראַכט.

דערזעהענדיג זיא, האָט ער געוואָלט אויפשטעהן, האָט אָבער איבערגעדיינקט און איז געבליבען זיצען; זיין פּנים האָט אויפגעפלאַמט, וואָס אננא האָט אויף איהם פריהער קיין מאָהל ניט געזעהען. ער האָט זיך דערנאָך שנעל אַ הויב געטאָהן און איז געגאַנגען איהר אַנטגעגען, קוקענדיג ניט גלייך אין איהרע אויגען נאָר העכער, אויף איהר שטערען און פריזור פון דיא האָאר. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט אָנגענומען איהר האַנד און האָט זיא געבעטען זעצען זיך.

— איך בין זעהר גערן, וואָס איהר זייט געקומען צופאָהרען — האָט ער געזאָגט, זעצענדיג זיך לעבען איהר, און האָט איהר, קענטיג, געוואָלט וואָס זאָגען, אָבער איז געבליבען אין מיטען. עטליכע מאָהל האָט ער געוואָלט אָנהייבען ריידען און איז געבליבען שטעהן. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיא האָט זיך צוגעגרייט צו דער דאָזיגער בעגעגעניש און האָט איינגעלערנט צו האַסען איהם און בעשולדיגען איהם און מאַכען איהם פאָרווירפע, האָט זיא איצט דאָך ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען און אין איהר האָט זיך ערוועקט מיטלייד מיט איהם. אַזוי האָט זיך געצויגען זייער שווייגען גאַנץ לאַנג.

— איז סעריאָזשאַ געזונד? — האָט ער אַ פרעג געטאָהן און ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף קיין ענטפער, האָט ער געזאָגט ווייטער — איך וועל ניט זיין אין דער היים צו מיטאַג היינט און איך דאַרף גלייך אָפּפאָהרען.

— איך האָב געוואָלט פאָהרען קיין מאָסקווא, — האָט זיא געזאָגט.

— ניין, איהר האָט זעהר, זעהר גוט געטאָהן וואָס איהר זייט געקומען אהער, — האָט ער געזאָגט און איז ווידער אַנשווייגען געוואָרען.

זעהענדיג אַז ער איז ניט אים שטאַנד אָנצוהויבען אַ געשפּרעך, האָט זיא אַליין אָנגעהויבען.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש — האָט זיא געזאָגט קוקענדיג אויף איהם און ניט אַראָבלאָזענדיג דיא אויגען פון זיין בליק וועלכער איז אויסגעשטעלט געווען אויף דער פריזור פון איהרע האָאר — איך בין אַ פערברעכערישע פרוי, אַ פערדאָרבענע פרוי, אָבער איך בלייב דיעזעלביגע וואָס איך בין געווען וויא איך האָב אייך דעמאָלט געזאָגט; איך בין געקומען זאָגען אייך, אַז איך קאָן קיין זאַך ניט ענדערען.

— איך האָב אייך וועגען דעם ניט געפרעגט — האָט ער געזאָגט פּלוצלונג ענטשלאָסען, קוקענדיג מיט פעראַכטונג איהר גלייך אין דיא אויגען — איך האָב אַזוי גערעכענט. אָבער וויא איך האָב אייך דאַן געזאָגט און געשריבען — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ שניידענדער, דינער שטימע — אַזוי ווידערהאָל איך אויך איצט, אַז איך בין ניט מחויב דאָס צו וויסען. איך איגנאָריר דאָס. ניט

אַלע פרויען זיינען אַזעלכע גוטע, וויא איהר, צו איילען זיך אָנזאָגען דעם מאַן אַזאַ  א נ ג ע נ ע ה מ ע  נאַכריכט. — ער האָט בעזונדער בעטאָנט דאָס וואָרט „אַנגענעהמע“ — איך איגנאָריר דאָס אַזי לאַנג וויא דיא וועלט וויים נאָך דערפון ניט, אַזוי לאַנג וויא מיין נאָמען איז נאָך ניט געשענדעט געוואָרען. און דאַרום בין איך אייך בלויז מתרה, אַז אונזערע בעציהונגען דאַרפען זיין אַזעלכע, וויא זיי זיינען תמיד געוועזען און בלויז אין פאַל, ווען איהר וועט זיך  ק אָ מ־ פ ר אָ מ ע ט י ר ע ן,  וועל איך געצוואונגען זיין פאָרצונעהמען מיטלען צו בעשיצען מיין עהרע.

— אָבער אונזערע בעציהונגען קאָנען ניט זיין אַזעלכע וויא זיי זיינען געוועזען — האָט מיט אַן אונענטשלאָסענע שטימע געזאָגט אַננאַ, קוקענדיג אויף איהם אַ צושראָקענע.

ווען זיא האָט דערזעהען ווידער זיינע רוהיגע בעוועגונגען, האָט דערהערט זיין שניידענדען, קינדערשען און אָבלאַכענדען קול, האָט זיך אין איהר ווידער ערוועקט איהר האַס צו איהם און דאָס האָט פערטויבט דעם פריהערדיגען געפיהל פון רחמנות. זיא האָט בלויז מורא געפיהלט איצט, אָבער זיא האָט איין מאָהל פאַר אַלע מאָהל געוואָלט קלאָהר מאַכען איהר לאַגע.

— איך קאָן ניט זיין אייער פרוי, ווען איך... — האָט זיא געוועזען אָנגעהויבען.

ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ בייזען און קאַלטען געלעכטער.

— אַ פּנים יענער אַרט לעבען, וועלכע איהר האָט פאַר זיך אויסגעוועהלט, האָט געמאַכט אַ ווירקונג אויף אייערע בעגריפע... איך האָב רעספּעקט פאַר אייער פערגאַנגענהייט, אָבער איך פעראַכט אַזוי דאָס געגענווערטיגע אין אייך, אַז איך בין גאַנץ ווייט געוועזען פון דיא געדאַנקען, וועלכע איהר לייגט אַריין אין מיינע ווערטער.

אַננאַ האָט אַ זיפץ געטאָהן און האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— איבעריגענס פאַרשטעה איך ניט — האָט ער פאָרטגעזעצט צוהיצט — איהר, וועלכע האָט אין זיך אַזוי פיעל אונאַבהענגיקגייט, אַז איהר קאָנט דעם מאַן גלייך און אָפען ערקלעהרען וועגען אייער אונטרייהייט און ניט געפינען דעריין קיין שלעכטעס, זאָלט געפינען עפּעס שלעכטעס דעריין, וואָס איהר זאָלט דאַרפען ערפילען אין בעצוג צו דעם מאַן דיא פליכטען פון אַ פרוי?

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש! וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר?

— איך פערלאַנג פון אייך, אַז איך זאָל דאָ ניט טרעפען דעם דאָזיגען מענשען און איהר זאָלט זיך פיהרען אַזוי, אַז ניט דיא  וועלט,  ניט דיא דינערשאַפט זאָלען ניט קאָנען בעשולדיגען אייך... אַז איהר יאָלט איהם ניט זעהען. דאָס איז דוכט זיך ניט פיעל. און דערפאַר וועט איהר זיך בענוצען מיט דיא רעכטע פון אַן עהרליכע פרוי, ניט ערפילענדיג איהרע פליכטען. דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב אייך צו זאָגען. און איצט איז שוין פאַר מיר צייט צו פאָהרען. איך וועל אין דערהיים קיין מיטאָג ניט עסען.— ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק צו דער טהיר.

אַננאַ האָט זיך אויך אויפגעהויבען. ער האָט זיך שווייגענדיג פערנייגט און האָט זיא דורכגעלאָזען.

## 24.

דיא נאכט, וועלכע לעווין האָט פערבראכט אויף דעם בארג היי איז ניט געווען פאַר איהם אומזיכט. דיא ווירטהשאַפט, וואָס ער האָט געפיהרט איז איהם נמאס געוואָרען און האָט פאַר איהם אָנגעוואָרען יעדער אינטערעס. ניט קוקענדיג דערויף וואָס דאָס איז געווען אַ געראָטענער יאָהר, האָט ער געזעהען אַז קיין מאָהל זיינען נאָך ניט געווען אַזעלכע פעהלערן געמאַכט און קיין מאָל זיינען געווען אַזוי פיעל אונפריינדליכע בעציהונגען צווישען איהם און דיא פויערים וויא אין דעם יאָהר. און דיא אורזאַכע פון דעם, וואָס עס גיט זיך אַלץ ניט איין, און דיא אורזאַכע פון דער פיינדשאַפטליכקייט צווישען דיא פויערים און איהם האָט ער ערשט איצט גוט פערשטאַנען.

ער האָט איצט קלאָהר געזעהען, אַז יענע ווירטהשאַפט, וועלכע ער האָט געפיהרט איז געווען בלויז אַן אכזרישער און עקשנות'דיגער קאַמפף צווישען איהם און דיא אַרבייטער, אַ קאַמפף אין וועלכען אויף איין זייט, איז געווען אַ שטענדיגע אנשטריינגונג איבערצומאַכען אַלעס אויף דעם בעסטען אופן; אויף דער צווייטער זייט איז געווען דער נאַטירליכער גאַנג פון זאכען. און אין דעם דאָזיגען קאַמפף האָט ער געזעהען, אַז דיא גרעסטע אנשטריינגונג פון קרעפטען פון זיין זייט און אָהן וועלכער ניט איז אבזיכט פון דער אַנדער זייט איז עררייכט געוואָרען בלויז דאָס, וואָס עס זיינען דערפון קיינע נוצען ניט ארויסגעקומען און אַז עס איז אומזיסט פאַרשווענדעט געוואָרען ענערגיע.

אין וואָס איז אין דער ווירקליכקייט בעשטאַנען דער קאַמפף? ער האָט אָבגעהיט זיין יעדען גראָשען (און ער האָט ניט געקאָנט אַנדערש, ווארום וויא ער וואָלט נור אָבגעלאָזט אַביסעל דיא לייצעס, וואָלט ביי איהם פעהלען געלד אויסצוצאָהלען וואס עס קומט דיא אַרבייטער.) און זיי זיינען בלויז געשטאַנען פאַר דאָס, אַז עס זאָל אויסקומען צו אַרבייטען רוהיג און אַנגענעהם, ד. ה. אַזוי וויא זיי זיינען געוועהנט געוואָרען. אין זיינע אינטערעסען איז געווען, אַז יעדער אַרבייטער זאָל אויסאַרבייטען וואָס מעהר און דערצו, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיג, זאָל ניט ברעכען דיא לאַנד־ווירטהשאַפטליכע אינסטרומענטען, זאָל בעטראַכטען וואָס ער טהוט; דעם אַרבייטער האָט זיך אָבער געוואָלט אַרבייטען וואָס אַנגענעהמער, אָבצורוהען זיך, און הויפטזעכליך אַרבייטען אָהן זאָרג און פאַרגעסען זיך, ניט טראַכטען. אין דעם דאָזיגען זומער האָט דאָס לעווין געזעהען אויף יעדען שריט.

און אַלע הזיקות, וואָס דיא אַרבייטער האָבען איהם אָנגעמאַכט איז דאָס ניט געווען געטאָהן דערפאַר ווייל אימיצער פון זיי זאָל וועלען שלעכטעס טאָהן לעווינען אָדער שאַדען זיין ווירטהשאַפט — פאַרקעהרט, ער האָט געוואוסט, אַז זיי ליעבען איהם, אַז זיי רעכענען איהם פאַר אַן א י י נ פ אַ כ ע ן פריץ (וואָס איז דער העכסטער שבח); אָבער געטאָהן האָט זיך דאָס אַלעס בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָט זיך געוואָלט פרעהליך און אָהן זאָרג אַרבייטען. און זיינע אינטערעסען זיינען געווען פאַר זיי ניט בלויז פרעמד און אונפערשטענדליך, נור זיי

זיינען געווען אקוראט א היפוך פון זייערע געדעכטע פערלאנגען. ער האט שוין לאנג אנגעהויבען אייגענטליך אונצופריעדען צו זיין מיט זיין ווירטהשאפטליכע ארבייט. ער האט געזעהען, אז זיין שיפעל רינט, ער האט זיך אבער ניט צוגעקוקט און ניט געזוכט פון וואנען דאס רינט, פיעלייכט האט ער זיך אליין געזוכט אבצונארען. אבער איצט האט ער זיך מעהר ניט געקאנט נארען.

דערצו איז נאך צוגעקומען דער פאל וואס פאר דרייסיג וויארסט פון איהם געפינט זיך קיטי שטשערבאצקאיא, וועלכע ער האט געוואלט זעהען און האט אבער ניט געקאנט. ווען ער איז געווען דעמאלט אויף בעזוך ביי דאריא אלעקסאנדראוונא אבלאנסקאיא, האט זיא איהם געבעטען, ער זאל קומען צופאהרען, ווען קיטי וועט זיין: ער זאל קומען צופאהרען און מאכען ווידער א פאר־שלאג, ווארום איצט, איז זיא זיכער, אז קיטי וועט אזא פארשלאג אננעהמען. לע־ווין אליין האט זיך געכאפט טאקע, אז ער האט ניט אויפגעהערט קיטין צו ליעבען; דאס האט ער דערפיהלט, ווען ער האט דערזעהען זיא אין קארעטע פערבייפאה־רענדיג. אבער ניט קוקענדיג דערויף האט ער דאך ניט געקאנט פאהרען צו דיא אבלאנסקים, וויסענדיג אז זיא איז דארט. „איך קאן ניט בעטען זיא זיין מיין פרוי דערפאר בלויז, וואס זיא קאן ניט זיין דיא פרוי פון דעם, וועלכען זיא האט געוואלט" — האט ער געזאגט צו זיך אליין. וויא ער פלעגט וועגען דעם א טראכט טאהן, פלעגט ער ווערען פיינדליך און קאלט צו איהר.

„און בעזאנדערנס, וויא קאן איך איצט, נאך דעם וויא דאריא אלעקסאנד־ראוונא האט מיר וועגען דעם געזאגט, וויא קאן איך פאהרען צו זיי? קאן איך דען ווייזען, אז איך פארשטעה וואס זיא האט מיר געזאגט? און איך וועל קומען צו פאהרען גרויסמוטהיג מוחל צו זיין איהר און עפעס אזוי וויא איינער, וועלכער וויל צו איהר וואהלטהעטיג זייט און טאהן איהר דיא טובה פארשלאגען מיין ליעבע! צו וואס האט דאס מיר גאר דאריא אלעקסאנדראוונא געדארפט זאגען? ווען איך וואלט זיך מיט איהר באגעגענען צופעליג, קאן זיין, אז דאס וואלט אלעס זיך אליין איינארדנען, אבער איצט איז דאס אונמעגליך, אונמעגליך!"

דאריא אלעקסאנדראוונא האט איהם שוין איין מאל זאגאר צוגעשיקט א צעטעלע, בעטענדיג איהם צו לייהען א דאמען־זאטעל פאר קיטין. „איך האב געהערט — האט זיא איהם געשריבען, אז ביי אייך איז פאראן א דאמען־זאטעל. איך האף אז איהר וועט איהם אליין ברייגנען".

דאס האט ער שוין גאר ניט נעקאנט איבערטראגען. וויא האט אזא קלוגע און איידעלע פרוי געקאנט אזוי ערנידריגען איהר שוועסטער! ער האט אנגעשרי־בען צעהן צעטעלעך אלס אן ענטפער און ער האט זיי אלע צוריסען און האט גע־שיקט ענדליך דעם זאטעל גאר אהן אן ענטפער. ווארום שרייבען אז ער וועט קו־מען קאן ער ניט, וויל ער קאן ניט קומען; שרייבען אז ער קאן ניט קומען און גע־פינען עפעס א תירוץ, אן אויסרייד, אז עפעס שטערט איהם אדער אז ער דארף ערגעץ פאהרען, וועט דאך זיין נאך ערגער. ער האט דארום געשיקט דעם זאטעל אהן אן ענטפער. ער האט געפיהלט, אז ער האט געטאהן עפעס א זאך וואס איז זעהר מיאוס, און האט אויף מארגען אויפגעגעבען זיין ווירטהשאפט, וועלכע האט איהם דערעסען, האט אלעס געלאזען אין דיא הענד פון זיין פריקאזשציק און איז

אַליין אַוועקגעפאָהרען אין סוראַווער אויעזד צו זײנעם אַ פריינד, דעם גוטבעזיצער סוויאזשסקי, וואו עס זיינען געוועזען גוטע זומפען פאַר יאַגד, און וואוהין ער האָט זיך שוין לאַנג געקליבען. איצט האָט ער אָבער בעזונדער געוואָלט פאָהרען אַהין אום פטור צו ווערען פון דיא שטשערבאַצקים שכינות'שאַפט, און הויפטזעכליך פטור ווערען פון זיין ווירטהשאַפט. יאַגד איז געוועזען אַ זאַך, וואָס איז געוועזען זיין בעסטער טרויסט תמיד אין צייט פון צרות.

25.

אין סוראַוועער אויעזד איז ניט געוועזען ניט קיין אייזענבאַהן, ניט קיין פאָסט־וועג, און לעווין איז געפאָהרען אין אַ טאַראַנטאַס אויף זיינע אייגענע פערד. אויפ'ן העלפט וועג האָט ער זיך אָבגעשטעלט פיטערן דיא פערד ביי אַ רייכען פויער. דער פליכעוואַטער, בריה'שדיגער אַלטער, מיט אַ ברייטע רויטע באָרד, וועלכע איז געוועזען גרוי לעבען דיא באַקען, האָט געעפענט דיא טויערען און נאָך דעם וויא ער האָט אָנגעוויזען דעם קוטשער אַ פלאַץ פאַר דיא פערד, האָט ער אַריינגעבעטען לעווינען אין שטוב. אַ ריין געקליידעטע יונגע ווייבעל, אין קאַלאָשען אויף באָרפוסע פיס, האָט זיך אָנגעבויגט און אויסגעווישט דיא פאדלאָגע אין דעם נייעם פירהויז. אָנווייזענדיג לעווינען מיט איהר פערקאַשערטע האַנד אויף דער טהיר אינווייניג אין הויז, האָט זיא ווידער בעהאַלטען איהר שעהנעם פנים, אָנבויגענדיג זיך צו דער פאדלאָגע און ווייטער געוואשען.

— אַ סאַמאָוואַר דערלאַנגען אפשר? — האָט זיא אַ פרעג געטאָהן.

— יא. זייט אַזוי גוט.

דאָס הויז איז געוועזען גראָס, מיט אַ האָלענדישען אויווען און מיט אַן איבערגעצאַמטין ווענטעל. אונטער דיא הייליגע בילדער איז געשטאַנען אַ טיש, אַן אויסגעפאַרבטער מיט קווייטען, אַ באַנק און צוויי שטוהלען. ביים אַריינגאַנג איז געוועזען אַ שאַפקע מיט כלים. דיא לאָדען זיינען געוועזען פערמאַכט, פליגען זיינען געוועזען ווייניג און אַזוי ריין, אַז לעווין האָט אַכטונג געגעבען אַז זיין הונד לאַסקא, וועלכער האָט זיך אויפ'ן וועג געבאָדען אין אַלע בלאָטעס, זאָל ניט פאַרשמירען דיא פאדלאָגע און האָט איהר דערפאַר אָנגעוויזען אַ פלאַץ אויף דעם הינטערשטען הויף. דיא שעהנ־פנים'דיגע יונגע ווייבעל אין דיא קאַלאָשען אויף דיא באָרפוסע פיס, איז געלאָפען פאַר איהם וויגענדיג ביידע עמער אויף דעם קאַראַמיסל, וואָס זיא האָט געטראָגען אויפ'ן אַקסעל, לויפענדיג נאָך וואַסער צום ברונען.

— שנעלער זאָל דאָס מיר געטאָהן ווערען! — האָט פרעהליך איהר אַ געשריי געטאָהן דער אַלטער און איז אַוועק צו לעווינען.

— נו, וואָס, מיין הערר, פאָהרט איהר דאָס צו ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש סוויאזשסקי? זיי פערפאָהרען אויך צו אונז פערבייפאָהרענדיג — האָט אָנגעהויבען מיט לוסט צו־צורייִדען זיך דער אַלטער. אין דער צייט וואָס ער האָט דערצעהלט וועגען סוויאזשסקין האָבען דיא טויערן ווידער אָנגעהויבען צו סקריפען און אין הויף זיינען אַריינגעפאָהרען אַרבייטער פון פעלד מיט סאָכעס און בראָנעס. דיא פערד וואָס זיינען געוועזען איינגעשפאַנט אין דיא סאָכעס און בראָנעס, זיינען געוועזען גרויסע, זאַטע. דיא אַרבייטער זיינען אפנים געוועזען פון דערזעלבער פאַמיליע.

# אננא קארענינא

צוויי זיינען געווען יונגע אין קארטונענע העמדער און מיט שטאָרטישע היטלען; דיא אנדערע צוויי זיינען געווען געדונגענע, איינער אן אלטער און דער צווייטער נאָך גאָר א יונגער.

אָבגעהענדיג פון גאניק איז דער אלטער צוגעגאנגען צו דיא פערד און האָט אנגעהויבען אויסצושפּאנען.

— וואָס, געאקערט? — האָט געפרעגט לעווין.

— קארטאָפעל דורכגעאקערט. מיר האלטען אויף ערד. דוא, פעדאָט, פיהר צו מערינא׳ן צום קלאָץ, און איינשפאנען וועלען מיר אַן אנדער פערד.

דיא יונגע ווייבעל מיט פולע עמערס, וועלכע האָבען איהר אָבגעצויגען דיא אקסלען איז דורכגעגאנגען אין פירהויז. עס זיינען אָנגעקומען נאָך ווייבער פון ערגעץ, יונגע, שעהנע, מיטעליעהריגע און אלטע, מיט קינדער און אָהן קינדער.

דער סאמאוואר האָט אָנגעהויבען צו הוזשען; דיא ארבייטער און דאָס הויז־געזינד זיינען פארטיג געוואָרען מיט דיא פערד און זיינען געגאנגען מיטאג עסען. לעווין האָט ארויסגענומען פון זיין וואָגען זיינע פראָוויזיאָן און האָט איינ־געלאדען דעם אלטען מיט איהם צוזאמען טהעע צו טרינקען.

— שוין היינט געטרונקען — האָט געזאָגט דער אלטער און האָט קענטיג מיט פארגעניגען אָנגענומען דיא איינלאדונג — אפשר פון קאָמפּאניע וועגען.

ביים טהעע טרינקען האָט לעווין דערוואוסט זיך דיא גאנצע געשיכטע פון דעם אלטענס ווירטהשאפט. דער אלטער האָט מיט א יאָהר צוואנציג צוריק געדונגען אין ארענדע ביי דער גוט־בעזיצערין הונדערט און צוואנציג דעסיאטין, און לעצטען יאָהר האָט ער שוין זיי אין גאנצען אָבגעקויפט און האָט געדונגען צו בעארבייטען נאָך דריי הונדערט דעסיאטין ביי א שכן א פּריץ. א קליינעם טהייל לאנד האָט ער אליין פערדונגען צו אנדערע און א דעסיאטין פערציג האָט ער בע־אַרבייט מיט זיין פאמיליע און מיט צוויי געדונגענע ארבייטער. דער אלטער האָט זיך בעקלאגט אז עס געהט ניט גוט. אָבער לעווין האָט פערשטאנען אז ער בע־קלאָגט זיך כתם אזוי, פון העפליכקייט וועגען, אָבער אז אין אמת׳ן בליהט זיין ווירטהשאפט.

ווען עס וואָלט געגאנגען שלעכט — האָט זיך געטראכט לעווין — וואָלט ער ניט געצאָהלט צו פינף הונדערט רובעל פאר דער ערד, וואָלט ניט חתונה געמאכט דריי זיהן און איין פלימעניק, וואָלט ניט אָבגעבויט זיך צוויי מאָהל נאָך שריפות, און עס וואָלט ניט געוואקסען אזוי זיין פארמעגען. ניט קוקענדיג אויף זיין בעקלאָגען זיך איז געווען צו זעהען, אז דער אלטער איז שטאָלץ מיט זיין פערמעגען, מיט זיינע זיהן, מיט זיינע פלימעניקעס, מיט זיינע שניר, מיט זיינע פערד און בהמות און בעזונדער נאָך דערמיט, וואָס דיא גאנצע ווירטהשאפט איז צוזאמען, אלע האלטען זיך אין איינעם.

— אָט ביי אונז, פּריצים, געהט דאָס שלעכט צו מיט דיא ארבייטער — האָט געזאָגט לעווין דערלאנגענדיג איהם א גלאָז טהעע.

— א דאנק אייך — האָט געזאָגט דער אלטער, נעהמענדיג דיא גלאָז טהעע און אָבזאָגענדיג זיך פון צוקער, ווארום ביי איהם איז געבליבען נאָך א שטיקעל פון פריהער — וויא קאָן מען פיהרען א בעל־הבתישקייט מיט ארבייטער.

אָט נעהמט אפילו סוויאזשקינען. מיר ווייסען וואָס פאר אן ערד ביי איהם איז — אמת'ע מאָן, און ער קאָן זיך אויך ניט ריהמען מיט גערעטענעס. מען מוז אויף אלעם אליין אכטונג געבען!

— אָט פיהרט איהר דאָך אווירטהשאַפט מיט ארבייטער?

— אונזער זאַך איז אַן אַנדערע, אַ פויערשע. מיר זיינען אומעטום אליין. טויג איינער ניט — ארויס! מיר קאָנען מיט אייגענע אויסקומען.

ווען לעווין איז אריינגעגאנגען אין דעם פראָסטען טהייל פון הויז אום ארויסצורופען זיין קוטשער, האָט ער דערזעהען דאָס גאַנצע הויזגעזינד מאַנסלייט ביים טיש. דיא פרויען האָבען צוגעדיענט, שטעהענדיג. דער יונגער געזונדער זוהן, מיט א פולען מויל קאַשע, האָט עפּעס דערצעהלט א שפּאַס און אלע האָבען געלאַכט; בעזונדער לוסטיג האָט געלאַכט דיא פרוי מיט דיא קאלאָשען, וועלכע האָט צוגעגאָסען יויך אין שיסעל.

עס קאָן זיין, אַז דער שעהנער פּנים פון דער פרוי אין דיא קאלאָשען האָט פיעל בייגעטראָגען צו דעם איינדרוק פון גוטער ווירטהשאַפט, וואָס דאָס הויז האָט געמאַכט אויף לעווינען. אָבער דער דאָזיגער איינדרוק איז געווען אזא שטאַרקער, אַז לעווין האָט איהם לאַנג ניט פאַרגעסען. און דעם גאַנצען וועג ביז ער איז געקומען צו סוויאזשסקי האָט ער זיך יעדע ווײלע אַלץ ווידער דערמאָנט וועגען דעם דאָזיגען פּנים מיט דער גוט איינגעאָרדערטער ווירטהשאַפט, אזוי וויא דעריין וואָלט עפּעס געווען בעזאָנדערנס וואָס זאָל ציהען זיין אויפמערקזאַמקייט.

## 26.

סוויאזשסקי איז געווען דער פיהרער פון דיא אַדעלינע אין זיין אויעזד. ער איז געווען מיט פינף יאָהר עלטער פון לעווינען און איז שוין לאַנג געווען פער־הייראַטה. ביי איהם אין הויז האָט געוואָהנט זיינע א קרובה, זעהר א סימפּאַטהישע מיידעל. און לעווין האָט געוואוכט, אַז סוויאזשסקי און אויך זיין פרוי וואָלטען זעהר געוואָלט, אַז לעווין זאָל חתונה האָבען מיט זייער קרובה.

ער האָט געוואוסט אויף זיכער, וויא עס ווייסען דאָס אימער דיא יונגע מענשען וועלכע רעכענען זיך פאַר חתנים, אָבוואָהל ער וואָלט קיין מאָהל ניט ער־לויבען זיך צו דערצעהלען דאָס וועמען. ער האָט אויך געוואוכט, אַז ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער וויל חתונה האָבען און ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיא איז זעהר אַ געראָטען מיידעל און וואָלט געווען אַ גוטע פרוי, פון דעסטוועגען וואָלט ער מיט איהר קיין מאָל ניט געקאָנט חתונה האָבען ווען אפילו ער וואָלט ניט געווען פערליעבט אין קיטי שטשערבאַצקאיאַ. ער וואָלט דאָס ניט געקאָנט טאָהן, וויא ער וואָלט ניט געקאָנט ארויפפליהען אויפ'ן הימעל. דאָס בעוואוסטזיין וועגען דעם האָט פערגיפטעט דעם פערגניגען, וועלכען ער האָט גערעכענט צו האָבען אין סוויאזשסקים הויז.

# אננא קארעני נא

לעווין האָט אַ קלעהר געטאָהן וועגען דעם גלייך וויא ער האָט בעקומען דיא איינלאַדונג פון סוויאַזשסקי, ער זאָל קומען צו איהם צו גאַכט אויף געיעג. אָבער ער האָט בעשלאָסען, אַז פון דעסטוועגען וועט ער פאָהרען, ווייל ער האָט סוויאַזשסקין ניט געגעבען קיין געלעגענהייט צו רעכענען אַז ער וועט טאָהן דעם שידוך. אויסער דעם האָט ער טיעף אין הארצען געוואָלט זיך אַליין אויספּרובירען, צו וואָלט ער געקאָנט פיהלען עפּעס צו איהר.

דאָס פאַמיליען־לעבען פון דיא סוויאַזשסקים איז געוועזן אויפ'ן העכסטען אופן אַן אַנגענעהמעס, און סוויאַזשסקי אַליין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם בעסטען טיפּ פון אַ זעמסקען כלל־טהוער, וועלכע לעווין האָט נור געקענט און ער איז פאַר לעווינען תמיד געוועזן אינטערעסאַנט.

סוויאַזשסקי איז געוועזן איינער פון יענע מענשען, וועלכע לעווין האָט בעוואונדערט; דאָס זיינען מענשען, וועלכע אורטהיילען זעהר לאָגיש הגם ניט זעלבסטשטענדיג, אָבער זייער לעבען איז אַ בעזונדער זאַך און זייערע אנשויאונגען אַ בעזונדער זאַך, און זייער לעבען, אַ געזונדער, פעסטער זיינען אַ היפוך פון זייערע געדאַנקען. סוויאַזשסקי איז געוועזן זעהר אַ ליעבליכער מענש. ער האָט גערעכענט רוסלאַנד פאַר אַ פערפאַלענעס לאַנד, אַזוי וויא טערקיי, און דיא רוסישע רעגיערונג פאַר אַזוי פערדאָרבען, אַז ער האָט געהאַלטען פאַר איבעריג אפילו צו קריטיקירען איהרע האַנדלונגען. ער האָט געהאַסט דיא פּריצים און האָט זיי גערעכענט אַלעמען פאַר שקלאַפּענט־רייבער אין נאַטור; זיי וואָלטען נאָך וועלען אָנהאַלטען לייב־אייגענשאַפט. ניט קוקענדיג דערויף האָט ער פון דעסטוועגען געדיענט אַלס פאָרזיצענדער פון דעם אַדעל־שטאַנד און ווען ער איז געפאָהרען אין וועג האָט ער אַלע מאָל אָנגעטאָהן זיין פאָרמענע היטעל מיט דעם רויטען אקאַלישעק.

ער האָט גערעכענט, אַז לעבען מענשליך קאָן מען נור אין אויסלאַנד וואוהין ער פלעגט פאָהרען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט, און פון דעסטוועגען האָט ער געפיהרט אַווירטהשאַפט אין רוסלאַנד. דעם רוסישען פויער האָט ער גערעכענט פאַר אַ בריאה, וואָס געפינט זיך נאָך אויף דער איבערגאַנגס־שטופע פון אַן אבעזיאַנע צו אַ מענשען, און אין דערזעלבער צייט ווען עס פלעגט קומען צו דיא וואַהלען אין זעמסטוואַ האָט ער מיט מעהר חשק פון אַנדערע געדריקט דיא פויערים דיא האַנד און אויסגעהערט זייערע מיינונגען. ער איז געוועזן ניט קיין גלויביגער, און פון דעסטוועגען פלעגט ער זיין זעהר בעזאָרגט וועגען דער פראַגע וויא צו פאַרבעסערען דעם לעבען פון דיא גלחים און האָט בזונדער געוואָלט אויספיהרען, אַז אין זיין דאָרף זאָל בלייבען שטעהן דער קלויסטער.

אין דער פרויען־פראַגע איז ער געוועזן פון דיא, וועלכע האָבען גע'טענה'ט אַז מען דאַרף דער פרוי געבען פאָלשטענדיגע פרייהייט און הויפּטזעכליך נאָך דאָס רעכט אויף אַרבייט; אָבער געלעבט האָט ער מיט דער פרוי אַזוי, אַז אַלע האָבען הנאה געהאַט קוקענדיג אויף זייער פריינדליכען, קינדערלאָזען פאַמיליען־לעבען, און ער האָט אַזוי איינגעאָרדענט זיין פרוים לעבען, אַז זיא האָט קיין זאַך ניט געטאָהן און האָט ניט געקאָנט טאָהן אויסער טהיילען דיא זאָרג וואָס דער מאַן האָט געהאַט, וויא אַם בעסטען און אַם פרעהלעכסטען צו פערברייגגען דעם לעבען.

# אננא קארענינא

ווען לעווין וואָלט ניט געהאַט דיא טבע צו אורטהיילען מענשען תמיד פון דער גוטער זייט, וואָלט סוויאַזשסקיס נאַטור פאַר איהם ניט געווען קיין בעזונדער רעטעניש; ער וואָלט איהם אָב׳פּטור׳ן קורץ: „אַ נאַר אָדער אַ שמאַטע“ און אַלעס וואָלט געווען קלאָהר. אָבער ער האָט ניט געקאָנט זאָגען „אַ נאַר“, ווייל עס איז קיין צווייפעל ניט געווען אַז סוויאַזשסקי איז ניט נור אַ קלוגער מענש, נור אויך זעהר אַ געבילדעטער און אַ מענש וועלכער האַלט זיך גאַנץ איינפאַך און ניט גדלות׳דיג מיט זיין בילדונג. ניט געווען קיין זאַך, וואָס ער זאָל ניט וויסען, ער האָט אָבער ארויסגעוויזען זיין וויסען בלויז דאַן, ווען ער איז געווען גענויטיגט אַזוי צו טאָהן. נאָך וויניגער וואָלט לעווין געקאָנט רופען איהם „אַ שמאַטע“, וואָרום סוויאַזשסקי איז געווען אָהן צווייפעל אַן עהרליכער, גוטער און קלוגער מענש, וועלכער האָט אימער געטאָהן זיין זאַך פרעהליך, לעבעדיג און אַלץ אַזעלכע זאַכען האָט ער געטאָהן, וואָס זיינען געשעצט געוואָרען הויך פון אַלע ארומיגע, און ווער רעדט שוין, אַז בעוואוסטערהייט האָט ער קיין מאָהל ניט געקאָנט טאָהן און האָט ניט געטאָהן קיין אונרעכט.

לעווין האָט איהם געזוכט צו פאַרשטעהן און האָט ניט פערשטאַנען און האָט תמיד געקוקט אויף איהם און אויף זיין לעבען וויא אויף אַ לעבעדיגע רעטעניש. צווישען זיי איז געווען אַ שטאַרקע פריינדשאַפט, און דערפאַר האָט לעווין זיך ערלויבט אויסצופרעגען איהם, דערקלייבען זיך ביז דעם סאַמע גרונד פון זיין בליק אויפ׳ן לעבען; אָבער דאָס איז אַלע מאָהל געווען אומזיסט. יעדען מאָל, ווען לעווין האָט געוואָלט אַריינדרינגען ווייטער אַלס אין דיא פאָדערצימערען פון סוויאַזשסקיס שכל, וואוהין יעדערער קאָן אריין, האָט ער באַמערקט, אַז סוויאַזשסקי איז געווען דערפון אין אַ לייכטער פערלעגענהייט; אַ קוים בעמערקבארע שרעק איז געווען אין זיין בליק, אַזוי וויא ער וואָלט מורא האָבען, אַז לעווין וועט איהם פאַרשטעהן און ער האָט גוטמוטהיג און פרעהליך זיך אָבגעווענדעט.

איצט, נאָך זיין ענטוישונג אין דער פיהרונג פון זיין ווירטהשאַפט איז לעווינען געווען בעזונדער אַנגענעהם צו פאַרברייגען ביי דיא סוויאַזשסקים. שוין ניט ריידענדיג דערפון וואָס אויף איהם האָט אימער געהאַט אַ גוטע ווירקונג צו זעהען דיא דאָזיגע גליקליכע און פרעהליכע מענשען, פון דיא דאָזיגע טייבעלעך, וואָס זיינען צופריעדען מיט זיך און מיט אַלעמען, האָט זיך איהם נאָך געוואָלט איצט דערגריבלען זיך אין סוויאַזשסקיס סוד, וויא אַזוי צו מאַכען אַז דאָס לעבען זאָל זיין אַזוי קלאָהר, בעשטימט און מונטער. אויסער דעם האָט לעווין ערוואַרט צו בעגעגענען זיך דאָ מיט דיא פריצישע שכנים און איהם האָט איצט בעזונדער אינטערעסירט דורכצושמועסען זיך מיט זיי וועגען דער פיהרונג פון ווירטהשאַפט און הערען וואָס זיי האָבען צו זאָגען וועגען גערעטענעס, וועגען דינגען אַרבייטער, א. ז. וו. — אַזעלכע פראַגען, וואָס לעווין האָט גערעכענט פאַר בעזונדער וויכטיגע. „דאָס איז געווען ניט וויכטיג אפשר ווען עס איז נאָך געווען לייב־אייגענטהום אָדער דאָס איז ניט וויכטיג פיעלייכט אין ענגלאַנד. אין ביידע פעלע זיינען דיא אומשטענדען גופא בעשטימטע. אָבער ביי אונז איצט, ווען דאָס אַלעס האָט זיך אומגעדרעהט און ערשט אָנגעהויבען איינצואָרדנען זיך, איז זעהר וויכטיג דיא פראַגע וויא וועט זיך דאָס און וויא זאָל זיך דאָס איינאָרדנען“ — האָט געטראַכט לעווין.

# אננא קארענינא

דאָס געיעג איז געוועזן ערגער איידער לעווין האָט ערוואַרט. די זומפּ־וואַסערן האָבען אויסגעטריקענט און עס זיינען קיין ווילדע ענטלעך ניט געווען. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצען טאָג און האָט געבראַכט בלויז דריי שטיק, אָבער דערפאַר האָט ער געבראַכט, וויא אימער פון געיעג, אַ גוטען אַפּעטיט, אַ מונטערקייט און יענעם געהויבענעם גייסטיגען צושטאַנד, וועלכער איז איהם אימער געקומען פון שטאַרקע פיזישע בעוועגונג.

אָבענדס צו טהעע, ווען עס זיינען געוועזן צו בעזוך דאָ נאָך צוויי גוטבעזיצער האָט זיך פערפיהרט אַן אינטערעסאַנטער געשפּרעך וועגען די פראַגען, וואָס לעווין האָט געזוכט צו לייזען.

לעווין איז געזעסען ביים טהעע־טיש לעבען דער ווירטהין און האָט געדאַרפט אונטערהאַלטען זיא און איהר שוועסטער, וועלכע איז געזעסען אַנגעגען איהם. די ווירטהין איז געוועזן אַ רונד־פּנים'דיגע, אַ ווייסע און ניט קיין הויכע, וועלכע האָט אין גאַנצען געשיינט מיט חן־גריבעלעך און שמייכעלעך. לעווין האָט געוואָלט דורך איהר אויסגעפינען דעם סוד פון איהר מאַנס כאַראַקטער און פון זיין מונטערן לעבען, אָבער עס איז איהם עפּעס געוועזן אונבעקוועם שטאַרק נאָכצופרעגען זיך, ווייל אַנטקעגען איז געזעסען סוויאַזשסקי'ס שוועסטער אויסגעפּוצט עפּעס אין אַ בעזונדער מין קלייד, וואָס זיא האָט אָנגעטאָהן פון זיינטוועגען, וויא איהם האָט זיך געדוכט, — אַ קלייד, וואָס איז געוועזן עפּעס אַזוי וויא מיט טראַפּעציעס ביי דער ווייסער ברוסט איבער דער פיער־עקיגער אויסגעבלויזטקייט. דער דאָזיגער פיער־עקיגער אויסשניט האָט אָבגענומען פון לעווינען די פרייהייט צו דיינקען, אָבוואָהל די ברוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעהען איז געווען זעהר ווייס, אָדער אפשר טאַקע מחמת דעם. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, און מסתמא האָט ער געמאַכט אַ טעות דערין; אַז דער דאָזיגער אויסשניט אין קלייד איז געמאַכט געוואָרען פון זיינטוועגען. ער האָט גערעכענט, אַז ער האָט קיין רעכט ניט איינצוקוקען זיך און האָט דאָך געזוכט צו קוקען דערויף; אָבער ער האָט געפיהלט, אַז דאָס איז ער שולדיג וואָס זיא האָט געמאַכט דעם אויסשניט אין קלייד.

לעווינען האָט זיך געדאַכט, אַז ער נאַרט דאָ עפּעס אימיצען אָב, אַז ער איז דאָ מחויב צו מאַכען אַן ערקלערונג, אָבער אַז דאָס איז עפּעס וואָס לאָזט זיך ניט ערקלעהרען און ער האָט זיך דאַרום געפיהלט אונבעקוועם און איז רויט געוואָרען. זיין אונרוהיגקייט און אונבעקוועמליכקייט האָט זיך אויך איבערגעגעבען דער פערוואַנדטער. אָבער אַפּנים די ווירטהין האָט דאָס ניט פערשטאַנען און האָט זיי אַריינגעצויגען אין געשפּרעך.

— איהר זאָגט — האָט אָנגעהויבען די ווירטהין, — אַז מיין מאַן קאָן ניט אינטערעסירען זיך מיט אַלעם וואָס איז רוסישעס. אַקוראַט פערקעהרט. ער איז פרעהלאַך, ווען ער איז אין אויסלאַנד, אָבער קיין מאָהל ניט אַזוי פרעהלאַך, וויא ער איז ווען ער איז דאָ אין רוסלאַנד. דאָ פיהלט ער זיך אין זיין ספערע. ער האָט דאָ אַזוי פיעל מיט וואָס צו בעשעפטיגען זיך און ער האָט אַ גאַבע מיט אַלעם צו אינטערעסירען זיך. אַך, איהר זייט נאָך ניט געווען אין אונזער שוהל?

# אננא קארענינא

— איך האב געזעהען... דאס איז דאס הייזעל, וואס איז בעוואקסען מיט גרינס.

— יא, דאס איז נאכטיא'ס אויפטהואונג — האט זיא געזאגט אנווייזענדיג אויף דער שוועסטער.

— איהר לערנט מיט דיא קינדער אליין? — האט געפרעגט לעווין, זוכענדיג צו קוקען פערביי דעם אויסשניט, אבער פיהלענדיג אז וואוהין ער זאל ניט קוקען אין יענער זייט, וועט ער אלץ זעהען דעם אויסשניט.

— יא, איך וועל אליין לערנען און איך לעהרען, אבער ביי אונז איז פאראן א פראכטפאלע לעהרערין. און א גימנאזיסטקע האבען מיר אראפגעבראכט.

— ניין, איך דאנק אייך, איך וויל מעהר קיין טהעע ניט — האט געזאגט לעווין און פיהלענדיג אז ער טהוט עפעס דערמיט אן אונהעפליכקייט נור קאן ניט פארטזעצען דעם געשפרעך, איז ער רויט געווארען און האט זיך אויפגעהויבען פון פלאץ — איך הער אז זיי פיהרען דארט א זעהר אינטערעסאנטען געשפרעך — האט ער געזאגט און איז אוועק צום צווייטען עק פון טיש.

ביים צווייטען עק פון טיש איז געזעסען סוויאזשסקי מיט צוויי שכנים— גוטס־בעזיצער. סוויאזשסקי איז געזעסען מיט א זייט צום טיש אנגעשפארט אויף איין האנד, דרעהענדיג מיט דער דאזיגער האנד דיא טאסס און מיט דער אנדער האנד צונויפנעהמענדיג זיין בארד אין איין הויפען און צוטראגענדיג צום נאז און ווידער ארויסלאזענדיג וויא ער וואלט שמעקען זיין בארד. מיט זיינע גלאנציגע, שווארצע אויגען האט ער געקוקט אויף דעם גוט־בעזיצער מיט גרויע וואנצעס, וועלכער האט זיך געהיצט שטארק, און איהם האבען א פנים יענעמס רייד שטארק אמוזירט.

דער גוט־בעזיצער האט זיך בעקלאגט געגען פאלק. לעווין האט געזעהען, אז סוויאזשסקי וויים אזא ענטפער צו געבען, אויף דיא קלאגען פון דעם פריץ, אז ער וועט גלייך צוקלאפען דעם גאנצען זינען פון זיינע בעשולדיגונגען, נור צו פערדאנקען זיין שטעלונג קאן ער דעם ענטפער ניט זאגען און הערט דארום מיט שפאס דיא קאמישע טענות פון דעם גוט־בעזיצער.

דער דאזיגער פריץ איז געוועזען א פנים פון דיא פערביכענע קרעפאסטניקעס, וועלכע האבען געוואלט אז לייב־אייגענטהום זאל נאך עקזיסטירען, און דערצו אן אלטער לאנד־בעוואהנער, א ליידענשאפטליכער בעל הבית פון לאנדווירטהשאפט. דאס האט מען געקאנט זעהען פון זיינע קליידער, פון דעם טאן פון זיין ריידען, פון דיא שטארקע זשעסטיקולירונגען מיט זיינע קרעפטיגע, פערברוינטע הענד מיט אן אלטען חתונה־רינגעלע אויפ'ן פינגער.

## 27

— ווען עס וואָלט בלויז ניט געווען אַ פּערדרוס אָוועקצואוואַרפן וואָס עס איז אויפגעאַרבייט געוואָרן... פיעל כוחות אָוועקגעלייגט געוואָרן... וואָלט איך אַ מאַך געטאָן אויף אַלעס מיט דער האַנד, איך וואָלט פאַרקויפן, וואָלט פאָהרען אויך אַזוי וויא ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש... ה ע ל ע נ א הערען — האָט געזאָגט דער גוט־בעזיצער און זיין אַלטער פנים איז בעלויכטען געוואָרן מיט אַן אַנגענעהמען שמייכעל.

— אָבער אָט וואַרפט איהר דאָך ניט אָוועק — האָט געזאָגט ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש סוויאַזשסקי — מסתמא לוינט דאָך.

— עס לוינט בלויז דערפאַר, וואָס איך וואָהן אין אַן אייגען הויז, ניט קיין געקויפטעס, ניט קיין געדונגענעס. און דערצו האָפט מען אַלעס, אַז דאָס פאָלק וועט קומען צום שכל. ווארום אַז ניט איז דאָך דאָס שיכרות, צולאָזענקייט. גלויבט מיר!... אַלע האָבען זיך צוטהיילט, ניט קיין פערדעל, ניט קיין קיהעלע. פון הונגער שטאַרבען זיי, און געהט, דינגט אַזאַ אַלס אַרבייטער — ער טהוט אַלעס אייך אויף צו להכעיס און ער געהט נאָך אייך אַנקלאָגען צום מיראָוואָי סודיא (פריעדענס ריכטער).

— דערפאַר קאָנט איהר דאָך אָבער איהם אויך פערקלאָגען ביי דעם מיראָוואָי סודיא.

— איך וועל פערקלאָגען? קיין מאָהל אין לעבען ניט! עס וועלען זיך אָנהויבען אַזעלכע ריידערייען, אַז עס וועט ניט ניחא זיין דאָס פערקלאָגען! אַן האָבען זיי דאָרט אויפ׳ן פאַבריק גענומען האַנד געלד און דערנאָך אָוועק. וואָס־זשע קאָן דאָ מאַכען דער מיראָוואָי סודיא? ער האָט זיי בעפרייט. זיי האַלטען זיך בלויז נאָך דערפאַר, וואָס עס איז נאָך פאַראַן אַ דאָרפס־געריכטער און אַן עלטסטער. דער דאָזיגער עלטסטער וועט איהם נאָך פאַרגעבען אויפ׳ן אַלטען שטייגער. און ווען דאָס וואָלט ניט געווען — איז וואַרף אָוועק אַלעס! לייף וואוהין דיא אויגען וועלען דיך טראָגען!

עס האָט אויסגעזעהען וויא דער אַלטער גוט־בעזיצער וואָלט רייצען סוויאַזשסקין, אָבער סוויאַזשסקי איז ניט נור ניט אין כעס געווען נאָר עס האָט איהם נאָך אַמוזירט.

— נו, אָט פיהרען מיר דאָך אונזער ווירטהשאַפט אָהן אַזעלכע מיטלען — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל — איך, לעווין, זיי.

ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם אַנדער גוט־בעזיצער.

— יא, ביי מיכאַאיל פּעטראָוויטשען געהט עס, אָבער פרעגט אַקאָרשט וויא עס געהט. איז דאָס דען אַ ראַציאָנאַלע ווירטהשאַפט — האָט געזאָגט דער אַלטער גוט־בעזיצער, קענטיג פראַנטעווענדיג מיט דעם וואָרט „ראַציאָנאַלע“.

— ביי מיר געהט דאָס פשוט — האָט געענטפערט מיכאַאיל פּעטראָוויטש — דאַנקען גאָט. מיין גאַנצע ווירטשאַפטלעריי בעשטעהט אין דעם, אַז עס

זאָל זיין געלד גענוג צו הערבסט שטייערען צו בעצאָהלען. עס קומען דיא פויערים: טאַטעלע, פאָטער, העלף אויס! נו, זיינען דאָך דאָס אַלץ אייגענע פויערים, שכנים, א רחמנות. נו, גיב איך זיי אויף דעם ערשטען דריטעל, און זאָג זיי בלויז: געדענקט, לייטע, איך האָב אייך געהאָלפען, זאָלט איהר אויך העלפען, ווען עס וועט נויטיג זיין — זעען, היי־אריינקלייבען, שניידען תבואה. נו, מען קאָן ניט זאָגען, צווישען זיי זיינען אויך פאַראַן געוויכענלאָזע, דאָס איז אמת.

לעווין האָט שוין לאַנג געקענט דיא דאָזיגע פאַטריארכאַלע בעציהונגען, ער האָט זיך איצט איבערגעקוקט מיט סוויאזשסקי און האָט איבערגעשלאָגען מיכאַאיל פעטראָוויטשען, ווענדענדיג זיך צום גוט־בעזיצער מיט דיא גרויע וואָנצעם:

— רעכענט איהר, הייסט עס, וויא? — האָט ער געפרעגט: — וויא זאָל מען איצט פיהרען א לאַנד־ווירטשאַפט?

— וויא פיהרען? פיהרען אזוי וויא מיכאַאיל פעטראָוויטש: אָדער אָבגעבען אויף העלפט אָדער פערדינגען צו דיא פויערים; דאָס קאָן מען טאָהן, מאָלט אייך. אָבער דערפון ווערט דאָך חרוב דאָס גאַנצע אַלגעמיינע עשירות פון דער מדינה. דאָרט, וואו אין דער צייט פון פאַנשטשינע האָט מיר דיא ערד געבראַכט זיבען מאָהל אזוי פיעל וויפיעל פערזעעט, ברייגט דאָס איצט דריי מאָהל. חרוב איז געוואָרען רוסלאַנד פון דער דאָזיגער עמאַנסיפּאַציאָן.

סוויאזשסקי האָט מיט שמייכלענדע אויגען א קוק געטאָהן אויף לעווינען און האָט איהם זאָגאַר קוים בעמערקבאַר א וואונק געטאָהן. אָבער לעווין האָט גאָר קיין לעכערליכעס ניט געזעהען אין דעם גוט־בעזיצערס רייד. — ער האָט איהם בעסער פערשטאַנען איידער סוויאזשסקי. פיעלע פון דיא טענות, וואָס דער גוט־בעזיצער האָט דערנאָך גע׳טענה׳ט ווייזענדיג וויא רוסלאַנד ווערט חרוב פון דער עמאַנסיפּאַציאָן, האָבען אויסגעזעהען פאַר לעווינען זעהר ריכטיג; דאָס זיינען פאַר איהם געווען נייע ארגומענטען און אזעלכע וואָס קאָנען ניט ווידער־לייגט ווערען. דער גוט־בעזיצער האָט קענטיג דאָס אַלץ געזאָגט זיינע אייגענע געדאַנקען — וואָס עס איז אזוי זעלטען — און דאָס זיינען געווען געדאַנקען וואָס קומען ניט דערפון ווייל ער זאָל וועלען פערנעהמען דעם ליידיגען שכל מיט עפּעס, נור געדאַנקען, וועלכע זיינען ארויסגעוואַקסען פון דיא אומשטענדען פון לעבען גופא, וועלכע ער איז אויסגעזעסען מיט זיך אַליין אין זיין לעבען צו לאַנד און וועלכע ער האָט שטריינג בעדיינקט פון אַלע זייטען.

— דיא זאַך בעשטעהט אין דעם, וואָס יעדער פּראָגרעס ווערט ארויס־געבראַכט בלויז פון רעגיערונג — האָט ער געזאָגט, וועלענדיג ווייזען, אז בילדונג איז איהם ניט קיין פרעמדע זאַך.

— נעהמט דיא רעפאָרמען פון פּיאָטר, יעקאַטערינא, אַלעקסאַנדר. נעהמט דיא געשיכטע פון אייראָפּא, און בפרט דעם פּראָגרעס אין לאַנד־ווירטשאַפט. אפילו קארטאָפעל האָט מען דאָך ביי אונז אריינגעבראַכט מיט גוואַלד. מען האָט אפילו געאַקערט ניט איכער מיט א סאָכע, דאָס האָט מען דאָך אויך איינגעפיהרט און מסתמא אויך איינגעפיהרט מיט גוואַלד. איצט, אין אונזער צייט, האָבען מיר, לאַנד־אייגענטהימער, געפיהרט אונזער ווירטהשאַפט פערפאָלקאָמטערהייט;

# אננא קאַרעני נא

אַלע מילען פיר לאַנד־ארבייט האָבען מיר איינגעפיהרט מיט אונזער מאַכט, און דיא פויערים האָבען פריהער געהאַמפּערט זיך געגען אונז, און דערנאָך האָבען זיי שוין אויך אָנגעהויבען דאָס אייגענע צו געברויכען, אונז נאָכצואהמען. איצט, ווען מען האָט אָבגעשאפט לייב־אייגענטהום האָט מען פון אונז אָבגענומען דיא מאַכט — מוז אונזער ווירטשאפט אראָבלאָזען זיך צו דעם אורשפּרינגליכען צו־שטאַנד. אזוי פערשטעה איך.

— פאַר וואָס אָבער? אויב דאָס איז פערנינפטיג, קאָנט איהר דאָך דאָס־זעלביגע איינפיהרען מיט געדונגענע ארבייט — האָט געזאָגט סוויאזשסקי.

— אז קיין מאַכט איז ניטאָ. מיט וועמען זאָל איך דאָס איינפיהרען? ערלויבט מיר צו פרעגען.

„אָט איז עס — ארבייטס־קראַפט איז דער הויפּט יסוד פון ווירטהשאַפט“

— האָט א ט־אכט געטאָהן לעווין.

— מיט וועמען? מיט דיא ארבייטער.

— אָבער דיא ארבייטער ווילען ניט ארבייטען גוט און ארבייטען מיט גוטע מיטלען. אונזער ארבייטער ווייס בלויז איינס — אָנטרינקען זיך וויא א שוויין און שיכור'ערהייט פערדארבען אלעס, וואָס וועט איהר איהם טאָהן. דיא פערד וועט ער איבערטרינקען, גוטען געשפּאַן וועט ער צורייסען, אין דרעש־מאשין וועט ער אריינלאָזען א פלעקעל, אז זיא זאָל זיך צוברעכען. איהם עקעלט צו זעהען עפּעס, וואָס איז ניט אויף זיין אופן. דערפון איז געזונקען דער ווירטה־שאַפטליכער צושטאַנד. דיא לענדערייען זיינען פערלאָזען געוואָרען, זיינען פער־וואקסען מיט ווילדע גראָז אָדער זיינען צוטהיילט געוואָרען פאַר דיא פויערים, און וואו א שטיק לאַנד האָט געבראַכט א מיליאָן מאָס, ברייננגט עס איצט בלויז הינדערטע טויזענדע מאָס. דאָס אלגעמיינע רייכטהום איז פארקלענערט געוואָרען. ווען מען וואָלט אָבער דאָס זעלביגע איינגעפיהרט מיט א רעכענונג.

און ער האָט אָנגעהויבען צו ערקלעהרען זיין פלאַן וויא עס האָט געדאַרפט איינגעפיהרט ווערן דיא בעפרייאונג פון פאַנשטשינא, אז דאַן וואָלטען אויסגע־מיידט ווערן דיא דאָזיגע שעדליכקייטען.

לעווינען האָט דאָס ניט אינטערעסירט, נור ווען ער האָט געענדיגט האָט לעווין אָנגעהויבען צו ריידען וועגען זיינע ערשטע טעמים און האָט זיך א ווענד געטאָהן צו סוויאזשסקי, וועלענדיג ארויסרופען איהם, ער זאָל ארויסזאָגען זיין מיינונג אין אן ערנסטען אופן.

— אז דער ווירטהשאַפטליכער צושטאַנד ווערט נידריגער און אז אונטער אונזערע בעציהונגען צו דיא ארבייטער איז אונמעגליך א ראציאָנאלע ווירטה־שאַפט, דאָס איז זעהר ריכטיג — האָט ער געזאָגט.

— איך געפין דאָס ניט — האָט זיך שוין ערנסט אָבגערופען סוויאזשסקי— איך זעה בלויז דאָס, אז מיר זיינען אונפעהיג צו איינאָרדנען ווירטהשאַפטליכע אנגעלעגענהייטען און אז דער ווירטהשאַפטליכער צושטאַנד וועלכען מיר האָבען געהאַט אין דער צייט פון לייב־אייגענטהום שטעהט ניט הויך, נור פארקעהרט, שטעהט זעהר נידריג. מיר האָבען ניט, ניט קיין מאַשינען, ניט קיין גוטע ארבייטס־פיה, ניט קיין גוטע פערוואַלטונג און קאָנען ניט רעכענען וויא עס דאַרף צו זיין.

גיט אַ פרעג ביי אַ לאַנדבעזיצער וואָס איהם לוינט און וואָס איהם לוינט ניט — ער ווייס אַליין ניט.

— אַ, איטאַליענישע בוכהאַלטעריע — האָט געזאָגט איראָניש דער גוט־בעזיצער — וויא איהר זאָלט דאָרט ניט רעכענען, נור ווען מען פערדאַרבט אייך אַלעס, וועט קיין פּרנסה ניט זיין.

— פאַר וואָס אָבער פערדאַרבען? דאָס וועט מען ביי אייך צוברעכען אייער רוסישע דרעש־מאַשינקע, און מיין דאַמפּף־מאַשין צום דרעשען וועט מען ניט צוברעכען. דאָס וועט מען פערדאַרבען אייער רוסישען פערדעל, וועלכען מען דאַרף שלעפּען פאַר׳ן עק, און פּרופּט נור איינפיהרען אַזעלכע פערד וויא ע־שטע קלאַסע לויף־פערד, זיי וועט מען ניט פערדאַרבען. און אַזוי איז אַלעס. מיר מוזען אויפהויבען דיא ווירטהשאַפט אויף אַ העכערע מדרגה.

— ווען עס וואָלט בלויז געווען פון וואָס, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש! אייך איז גוט, אָבער וויא איז מיר? מען דאַרף דעם זוהן האַלטען אין אוניווערזיטעט, דיא קלענערע קינדער אין גימנאַזיע ערציהען — קאָן איך שוין אַזעלכע פערד ניט קויפען.

— דערויף זיינען פאַראַן באַנקען.

— נעהמען געלד אין באַנק און דערנאָך זאָל מען דאָס לעצטע פערד אונטער אויקציאָן פערקויפען? ניין, איך דאַנק אייך!

— איך שטים ניט איין דערמיט, אַז מען קאָן אויפהויבען דעם ווירטה־שאַפטליכען צושטאַנד נאָך העכער — האָט געזאָגט לעווין — איך בעשעפטיג זיך דערמיט, איך האָב מיטלען, און איך האָב גאָר נישט ניט געקאָנט אויפטאָהן. איך ווייס ניט פאַר וועמען דיא באַנקען קאָנען ניצליך זיין. אויף וואָס איך האָב ניט אויסגעגעבען קיין געלד אין מיין ווירטהשאַפט, האָב איך צו אַלעס צוגעלייגט: פיה געקויפט — בעצאָהלט זיך ניט; מאַשינען — בעצאָהלט זיך ניט. צו אַלעס דערלייגט.

— אָט דאָס איז אמת — האָט מיט הנאה אַ לאַך געטאָהן דער גוטבעזיצער מיט דיא גרויע וואנצעס.

— און איך בין ניט דער איינציגער — האָט פאָרטגעזעצט לעווין — איך וועל זיך שטיצען אויף אַלע לאַנד־אייגענטהימער, וועלכע פיהרען אַ ראַציאָנאַלע ווירטהשאַפט, זאָלען זיי זאָגען. אַלע, מיט זעלטענע אויסנאַמען, אַלע לייגען צו. נו, זאָגט איהר, לוינט אייך אייער לאַנד־ווירטהשאַפט? — האָט געזאָגט לעווין און האָט בעמערקט אין סוויאַזשסקיס בליק עפּעס אַ מין שרעק, וועלכען ער האָט אימער בעמערקט וויא ער האָט נור געוואָלט אויסגעפינען טיעפער סוויאַזשסקיס געדאַנקען.

אויסער דעם איז דיא דאָזיגע פראַגע פון לעווינס זייט געווען ניט גאָר אָרדענטליך. ווארום דיא ווירטהין האָט איהם נור־וואָס ביים טהעע דערצעהלט, אַז זיי האָבען דעם זומער איינגעלאַדען אַ דייטשען פון מאָסקווא, אַזאַ וואָס ווייס גוט בוכהאַלטעריע; זיי האָבען איהם בעצאָהלט 500 רובעל, ער זאָל אונטערפיה־רען אַ רעכענונג פון זייערע ווירטהשאַפטליכע אויסגאַבען און איינגאַהמען און ער האָט געפונען, אַז זיי דערלייגען 3000 רובעל יעהרליך אונגעפעהר. זיא געדיינקט

# אננא קארעני נא

ניט אקוראט וויפיעל, נור דער דייטש האָט אויסגערעכענט ביז א פערטעל קאָפּיקע אפילו.

דער גוט־בעזיצער מיט דיא גרויע וואנצעס האָט א שמייכעל געטאָהן ווען עס איז געקומען צו רייד וועגען סוויאזשסקים ווירטהשאפט; ער האָט אפּנים געהאט א ידיעה וואָס פאר א פרנסה דער פּרעזיצענדער פון אדעל־שטאנד קאָן האָבען פון זיינע גיטער.

—עס קאָן זיין, אז עס לוינט ניט — האָט געזאָגט סוויאזשסקי — אָבער דאָס ווייזט בלויז, אז ענטוועדער איך בין א שלעכטער ווירטה אָדער אז איך פארשווענד קאפּיטאל אויף דער פערגרעסערונג פון דעם ווערטה פון לאנד, אויף דער פערגרעסערונג פון רענטע.

— אך, רענטע! — האָט אויפגערעגט א געשריי געטאָהן לעווין — עס קאָן זיין אז אין אייראָפּאַ האָט דאָס א זינען, דאָרט איז פאראן דיא בעדייטונג פון רענטע, ווייל דיא ערד פארבעסערט זיך וואָס ווייטער דורך דער ארבייט וואָס ווערט אויף איהר אָנגעלייגט, אָבער ביי אונז ווערט דיא ערד וואָס ווייטער אלץ ערגער — הייסט דאָס, ניטאָ קיין שטייגען פון ווערטה, ניטאָ קיין רענט.

— וואָס הייסט ניטאָ קיין לאנד־רענטע? — דאָס איז דאָך א געזעץ פון עקאָנאָמיע.

— זיינען מיר אויסערן געזעץ: דיא טהעאָריע פון רענט ערקלעהרט פאר אונז גאָרנישט; פארקעהרט, זיא פערפּלאנטערט אונז. ניין, איהר ערקלעהרט מיר, וויא קאָן געמאָלט זיין דיא טהעאָריע פון רענטע...

— ווילט איהר מאלינעס? מאשא, שיק אונז אריין מאלינעס — האָט ער זיך א ווענד געטאָהן צו דער פרוי — היי־יאָהר האַלט זיך שפּעט מאלינע.

און סוויאזשסקי איז אויפגעשטאנען א מונטער׳ער, גוט־אויפגעלייגטער, רעכענענדיג אפּנים, אז דערמיט וועט דער געשפּרעך זיין געענדיגט, ווען לעווינען האָט זיך געדוכט, אז דער שמועס האָט זיך ערשט אָנגעהויבען.

לעווין האָט אָנגעהויבען פארטזעצען דעם געשפּרעך מיט דעם גוט־בעזיצער, וועלענדיג איבערצייגען איהם, אז דיא גאנצע שוואכקייט בעשטעהט דעריין, וואָס מיר ווילען ניט וויסען און קענען דיא אייגענשאפטען און דיא געוועהנהייטען פון אונזערע ארבייטער; אָבער דער גוט־בעזיצער איז געווען, וויא אלע מענשען, וועלכע דיינקען אויפ׳ן אלטען אופן און איינע אליין מיט זיך; איהם איז געווען שווער צו פארשטעהן א פרעמדענס געדאנקען און ער האָט בלויז פערשטאנען גוט זיינע אייגענע געדאנקען. ער האָט ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן, אז דער רוסישער פויער איז א שוויין און האָט ליעב שווייגעריי, און אז עס איז נויטיג מאכט אום ארויסצושלעפּען איהם פון שווייגעריי, און דיא דאָזיגע מאכט איז ניטאָ; מען דארף א שטעקען, און מיר זיינען געוואָרען אזוי ליבעראל, אז מיר האָבען פער־ביטען דעם טויזענד־יעהריגען שטעקען עפּעס גאָר אויף אדוואָקאטען און בע־שליסע, דורך וועלכע מען פיטערט דיא שמוציגע פויערים, דיא טויגעניכטסען מיט גוטען זופּע און מען רעכענט פאר זיי אויס דיא לופט אויף קוביק־פוס.

— פאר וואָס דיינקט איהר — האָט געזאָגט לעווין זוכענדיג אומצוקעהרען איהם צו דער פראגע — פאר וואָס דיינקט איהר אז עס קאָנען זיך ניט איינאָרדנען

אזעלכע בעציהונגען צו דער ארבייטער־קראפט, אז דיא ארבייט זאל ווערען פרוכטבאר, זאל זיין מיט ערפאלג?

— קיין מאהל וועט דאס ניט מעגליך זיין מיט דעם רוסישען פאלק! ווייל עס איז ניטא קיין מאכט — האט געענטפערט דער גוטבעזיצער.

— וויא־זשע זאל מען געפינען נייע אומשטענדען? — האט געזאגט סוויאזשסקי — אלעס וואס אנבעלאנגט דער ארבייטס־קראפט איז אויסגעפארשט געווארען און בעשטימט געווארען: דיא איבערבלייבעכץ פון בארבאריזמוס — דיא אורשפרינגליכע געמיינדע מיט דער ערבות פון כלל, דאס צופאלט אליין פון זיך, דיא איינריכטונג פון לייב־אייגענטהום איז אבגעשאפט געווארען; עס בלייבט בלויז פרייע ארבייט, און דיא פארמען פון פרייער ארבייט זיינען בעשטימט, פאר־טיג, און מען דארף זיי אזוי נעהמען: באטראק, טאג־ארבייטער, פערמער — און דערפון וועט איהר שוין ניט ארויס.

— אבער אייראפא איז דאך אונצופריעדען פון דיא דאזיגע פארמען.

— אונצופריעדען און זוכט אנדערע. און זיא וועט מסתמא געפינען.

וועגען דעם רייד איך דאך דאס — האט געזאגט לעווין — פאר וואס זאלען מיר פון אונזער זייט ניט זוכען דיא נייע פארמען?

— דערפאר ווייל דאס איז זעלביגע וויא מען זאל נעהמען זוכען נייע פלענער וויא צו בויען אייזענבאהנען. זיי זיינען שוין פארטיג, אויסגעפונענע.

— אבער זיי פאסען זיך ניט פאר אונז, אויב זיי זיינען דום? — האט געזאגט לעווין.

און ער האט ווידער בעמערקט וויא סוויאזשסקי האט זיך דערשראקען, ער זאל איהם ניט צווינגען ערנסטער וועגען דעם צו ריידען.

— יא, דיא אלטע רייד: מיט דיא היטלען וועלען מיר זיי פארווארפען, מיר האבען שוין געפונען דאס, וואס אייראפא זוכט! דאס אלעס ווייס איך, אבער, ענטשולדיגט, ווייסט איהר שוין אלעס וואס אין אייראפא איז אויפגע־טאהן געווארען אין דער ארבייטער־פראגע?

— ניין, ווייניג.

— דיא דאזיגע פראגע בעשעפטיגט איצט דיא גרעסטע מוחות פון איי־ראפא. שולצע־דעליטשעס ריכטונג... דאן, דיא אונגעהייערע ליטעראטור וועגען דער ארבייטער־פראגע פון דער ליבעראלער, לאסאליאנער ריכטונג... היינט מילהויזענס פלענער — דאס איז דאך שוין א פאקט, איהר ווייסט מסתמא...

— איך האב א שטיקעל בעגריעף, אבער ניט קיין קלאהרען.

— ניין, דאס זאגט איהר בלויז אזוי, איהר ווייסט דאס אלעס מסתמא ניט ווייניגער פון מיר. איך בין, זעלבסטפערשטענדליך, ניט קיין סאציאלער פראפעסאר, אבער דאס האט מיך אינטערעסירט, און ווירקליך, אויב דאס אינ־טערעסירט אייך אויך, דאן שטודירט עס.

— אבער וואס האבען זיי שוין אויסגעפיהרט?

— ענטשולדיגט...

דיא גוט־בעזיצער זיינען אויפגעשטאנען און סוויאזשסקי האט ווידער אבגעשטעלט לעווינען אין מיטען, ווען ער האט געוואלט אריינדרינגען טיעפער,

ווייטער פון גאסט־צימער פון זיין שכל; סוויאזשסקי איז אוועק בעגלייטען דיא געסט.

## 28

לעווינען איז זעהר לאנגווייליג געוועזן דעם דאזיגען אבענד צו פערברייני־גען מיט דיא דאמען: איהם האט איצט מעהר פון אימער, ניט געלאזט רוהען דער געדאנק, אז דיא אונצופריעדענהייט פון דער ווירטהשאפט איז ניט אויס־שליסליך זיין לאגע, נור אז דאס איז דיא אלגעמיינע לאגע, אין וועלכע רוסלאנד געפינט זיך. און איהם האט זיך געדוכט אז מען קאן לייזען דיא פראבלעמע און אז מען דארף פערזוכען דאס צו טאהן.

ער האט גענומען אבשיעד פון דיא דאמען, פערשפרעכענדיג אז ער וועט נאך דא בלייבען צו גאסט מארגען דעם גאנצען טאג. איז לעווין אוועק צו סוויאזשסקי אין קאבינעט אום צו נעהמען א ווערק וועגען דער ארבייטער־פראגע, אויף וועלכען סוויאזשסקי האט איהם אנגעוויזען.

— וואס בלעטערט איהר דאס? — האט סוויאזשסקי א פרעג געטאהן לעווינען, וועלכער האט זיך אבגעשטעלט לעבען דעם רונדען טיש און איבער־געקוקט זשורנאלען, וועלכע זיינען אויף איהם געלעגען — אך, יא, דא זיינען אינטערעסאנטע ארטיקלען אין דעם זשורנאל וואס איהר האלט. עס ווערט דא בעוויזען אז דיא אורזאכע פון דער צוטהיילונג פון פוילען איז געוועזן גאר ניט פריעדליך.... עס שטעלט זיך ארויס, אז...

און ער האט מיט זיין פעהיגקייט קלאהר צו דערצעהלען א זאך ערקלעהרט בקיצור דיא האזיגע נייע, זעהר וויכטיגע און אינטערעסאנטע ערפינדונגען. ניט קוקענדיג דערויף וואס לעווין איז מעהר פון אלעס געוועזן פאראינטערעסירט אין דער פראגע וועגען ווירטהשאפט, האט ער, הערענדיג דעם ווירטה, זיך געפרעגט: „וואס זיצט דארט אין איהם און פאר וואס, פאר וואס אינטערעסירט איהם אזוי דיא צוטהיילונג פון פוילען?"

ווען סוויאזשסקי האט געענדיגט, האט לעווין אונווילליג א פרעג געטאהן:

— נו, איז וואס־זשע? — אבער עס איז דעריין גארנישט ניט געוועזן. עס איז בלויז געוועזן אינטערעסאנט, אז „עס האט זיך ארויסגעשטעלט". אבער סוויאזשסקי האט ניט ערקלעהרט און האט געפונען פאר נויטיג צו ערקלעהרען פאר וואס איז עס פאר איהם געוועזן אינטערעסאנט.

— יא, אבער מיך האט זעהר פאראינטערעסירט דער בייזער גוטבעזיצער — האט א זיפץ טאהנ'דיג געזאגט לעווין — ער איז א קלוגער און האט געזאגט פיעל אמת.

— אך, געהט! א פערביסענער געהיימער לייב־אייגענטהימער, וויא זיי אלע זיינען! — האט געזאגט סוויאזשסקי.

— אט וואס מיך אינטערעסירט — האט געזאגט לעווין — ער איז גע־

רעכט, אַז אונזערע אַנגעלעגענהייטען, ד. ה. דיא ראַציאָנאַלע ווירטהשאַפט געהט ניט, אָדער עס געהט דיא עקספּלואַטאָרישע ווירטהשאַפט, וויא ביי דעם דאָזיגען שטילינקען, אָדער דיא גאַנץ איינפאַכע.... ווער איז דעריין שולדיג?

— נאַטירליך, מיר אליין. און דערצו איז ניט אמת, אַז עס געהט ניט. ביי וואסילטשיקאָווען געהט עס גאַנץ גוט. און איך פערשטעה גאָר ניט וואָס איהר וואונדערט זיך דאָ אַזוי. דאָס פאָלק שטעהט אויף אַזאַ ניזריגער מדרגה פון עקאָנאָמישער און מאָראַלישער ענטוויקלונג, אַז ער מוז אפּנים אַרבייטען געגען אַלעס וואָס פאַר איהם אַליין איז נויטיג. אין אייראָפּאַ געהט גוט דיא ראַציאָנאַלע ווירטהשאַפט, ווייל דאָרט איז דאָס פאָלק געבילדעט; דערפון פאָלגט, אַז מען דאַרף בילדען דאָס פאָלק — דאָס איז אַלעס.

— אָבער וויא זאָל מען בילדען דאָס פאָלק?

— אום צו בילדען דאָס פאָלק דאַרף מען האָבען דריי זאַכען: שוהלען, שוהלען און שוהלען.

— אָבער איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דאָס פאָלק שטעהט זעהר אויף אַ נידריגער שטופע פון ענטוויקלונג: וואָס־זשע וועלען דיא שוהלען העלפען?

— ווייסט איהר, איהר דערמאָהנט מיר דעם וויץ וועגען עצות פאַר אַ קראַנקען: „איהר וואָלט איהם אפשר פּרופען געבען אַן אבפיהרונג? געגעבען, ערגער. גו, פּרובירט פּיאווקעס שטעלען? געשטעלט; ערגער. נו, בלייבט אייך בלויז פּיידען גאָט בעטען. געפּרובירט, ערגער“. אַזוי איז דאָס אויך מיט מיר און אייך. איך זאָג אַ פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ענטפערט איהר — ערגער. איך זאָג סאָציאַליזמוס — ערגער. בילדונג — ערגער.

— אָבער מיט וואָס וועלען דיא שוהלען העלפען?

— זיי וועלען געבען דעם פאָלק אַנדערע פאָדערונגען.

— דאָס דאָזיגע האָב איך קיין מאָהל ניט געקאָנט פאַרשטעהען — האָט היציג געשטריטען לעווין — וויא אַזוי וועלען שוהלען העלפען דעם פאָלק פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע? איהר זאָגט: שוהלען, בילדונג וועלען איהם געבען נייע פאָדערונגען. איז דאָך דאָס ערגער, ווארום ער וועט דאָך ניט אימשטאַנד זיין צו בעפריעדיגען דיא דאָזיגע פאָדערונגען. און וויא אַזוי קענען חיבור און חיסור און דעם קאַטעכיזיס קאָן פאַרבעסערן דיא מאַטעריעלע לאַגע, האָב איך קיין מאָל נינז געקאָנט פאַרשטעהן. איך האָב מיט אַ פּאָאַר טעג צוריק אין אבענד געטראָפען אַ פרוי מיט אַ זויג־קינד און איך האָב אַ פרעג געטאָהן איהר וואוהין זיא געהט. זאָגט זיא: אַז „איך געה צו אַ באַבקע, דאָס קינד איז קראַנק מיט דאָס שרייאַיגע, האָב איך געטראָגען היילען“ פרעג איך: „ווי היילט דיא באַבקע“? —זיא זעצט דאָס קינד אַוועק צווישען דיא היהנער אויפ׳ן היהנער־שטייג און זיא שפּרעכט אָב“.

— נו, אָט זאָגט איהר דאָך אַליין! און אום זיא זאָל ניט טראָגען דאָס שרייאַיגע קינד היילען דורך אָבשפּרעכונג, דאַרף מען דערצו האָבען... — האָט שמייכלענדיג פרעהליך געזאָגט סוויאַזשסקי.

— אַך, ניין! — האָט פערדרוסליך אַ זאָג געטאָהן לעווין — דיא דאָזיגע היילונג איז פאַר מיר דאָסזעלביגע וואָס היילען דאָס פאָלק דורך שוהלען. דאָס

פאָלק איז אָרעם און אונוויסענד — דאָס זעהען מיר אויך מיט אזא זיכערהייט וויא דיא באַבקע זעהט דעם קינדס קראַנקהייט, ווארום דאָס קינד שרייט האָט דאָס מסתמא דאָס שרייאיגע. אָבער וויא אַזוי־זשע וועלען צו דער צרה, וואָס דאָס פאָלק איז אָרעם, העלפען דיא שוהלען און בילדונג? דאָס איז אויך אַזוי אונפערשטענדליך, וויא עס איז אונפערשטענדליך וויא אַזוי אַ קינד וואָס ליידט פון שרייאיגקייט קאָן געהיילט ווערען צווישען היהנער. מען דאַרף אָבשאפען דיא אורזאַכע, איבער וואָס ער איז אָרעם.

— נו, זייט איהר לכל הפחות דעריין איינפערשטאַנען מיט ספענסערען, וועלכען איהר ליעבט אַזוי ניט; ער זאָגט אויך אַז בילדונג קאָן זיין אַלס פאָלגע פון וואָהלשטאַנד און פון בעקוועמליכקייט פון לעבען, פון אָפט ארומוואַשען זיך, וויא ער זאָגט, אָבער ניט פון קענען רעכענען און שרייבען...

— בין איך זעהר צופריעדען אָדער, פאַרקעהרט, זעהר אונצופריעדען וואָס איך קום זיך צונויף מיט ספענסערען; אָבער דאָס ווייס איך שוין לאַנג. שוהלען וועלען ניט העלפען; העלפען וועט אַזאַ עקאָנאָמישע איינריכטונג, ביי וועלכער דאָס פאָלק זאָל זיין רייכער, וועט זיין מעהר פרייע צייט — דאַן וועלען זיין אויך שוהלען.

— פון דעסטוועגען זיינען אין גאַנץ אייראָפּאַ שוהלען איצט אַ פליכט.

— וויא־זשע זייט איהר אַליין, איינפערשטאַנען דעריין מיט ספענסערען?

אין סוויאַזשסקי'ס אויגען האָט זיך ווידער געוויזען יענער צייכען פון ערשראָקענהייט וויא צו יעדער מאָל, ווען לעווין האָט געוואָלט טיעפער אַריינדרינגען אין דיא קאַמערען פון זיין שכל, און ער האָט מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

— ניין, דיא דאָזיגע געשיכטע מיט דער שריי־חלאת איז גרויסאַרטיג! האָט איהר דאָס ווירקליך אַליין געהערט?

לעווין האָט געזעהען, אַז ער וועט ביי דעם מענשען ניט געפינען קיין פערבינדונג פון לעבען און געדאַנקען. אפנים וויא פאַר איהם איז געוועזן גאַנץ עגאַל צו וועלכע אויספיהרונג דיא דיסקוסיאָן וועט ניט פיהרען. איהם איז נור נויטיג דער פּראָצעס גופא פון דיסקוטירען. און איהם איז בלויז אונאַנגענעהם געווען ווען דער פּראָצעס פון דיכקוטירען האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַן ענגען ווינקעל. דאָס האָט ער ניט געליעבט און האָט דאָס אויסגעמיידט, איבערטראָגענדיג דעם געשפּרעך אויף עפּעס פון וואָס איהם איז פרעהלאַך־אַנגענעהם.

אַלע איינדריקע פון דעם דאָזיגען טאָג, אָנהויבענדיג פון דעם איינדרוק פון דעם אַלטען פויערס ווירטהשאַפט אויפ'ן העלפט וועג, וואָס האָט געדיענט פאַר אַ גרונד פון אַלע זיינע היינטיגע געדאַנקען, האָבען שטאַרק בעשעפטיגט לעווינען, ווען ער איז געבליבען אַליין אין זיין צימער, וועלכען מען האָט פאַר איהם אָבגעגעבען. ליגענדיג אויף דעם מאַטראַץ, וועלכער האָט איהם אונטערגעהויבען ביי דער בעוועגונג פון אַ האַנד אָדער אַ פוס, האָט לעווין לאַנג ניט געשלאָפען. קיין איין געשפּרעך מיט סוויאַזשסקי'ן, אָבוואָהל ער האָט געזאָגט פיעל קלוגע זאַכען, האָט איהם ניט אינטערעסירט; אָבער דיא טענות פון דעם גוט־בעזיצער האָבען געפאָדערט אַן ענטפער. לעווין האָט זיך ניט ווילענדיג דער־

מאָנט אַלע זיינע ווערטער און האָט פערריכט אין זיין פאַנטאַזיע דאָס, וואָס ער האָט איהם געענטפערט.

„יאַ, איך האָב איהם געדאַרפט זאָגען: איהר זאָגט, אַז אונזער ווירטהשאַפט געהט ניט דערפאַר ווייל דער פויער האָט פיינד אַלע פערבעסערונגען אין לאַנד־ווירטהשאַפט און מען דאַרף זיי איינפיהרען מיט מאַכט; אָבער איהר וואָלט געווען גערעכט בלויז דאַן, ווען עס וואָלט גאָר ניט געגאַנגען אָהן דיא אויסבעסערונגען; אָבער דאָרט, וואו דער אַרבייטער אַרבייט לויט זיין געוועהנהייט, וויא ביי דעם אַלטען אויפ׳ן העלפט וועג, געהט יאַ דיא ווירטהשאַפט גוט. אייערע און אונזער אַלגעמיינע אונצופריעדענהייט ווייזט נור, אַז שולדיג זיינען מיר און ניט דיא אַרבייטער. מיר ברעכען אַלץ אויף אונזער אייגענעם אופן, אייראָפּעאיש, ניט פרעגענדיג אויב עס פּאַסען זיך צו דערצו דיא אייגענשאַפטען פון דער אַרבייטס־קראַפט. לאָמיר פּרובירען אַנערקענען דיא אַרבייטער־קראַפט ניט אַלס אַן אידעאַל, נאָר פּשוט אַלס ר ו ס י ש ע ן  פ ו י ע ר מיט זיין נאַטור און פּרובירען איינאָרדנען דיא וויסענשאַפטליכע אַנגעלעגענהייטען לויט דיא דאָזיגע אומשטענדען. שטעלט זיך פאָר, האָב איך איהם בעדאַרפט זאָגען, אַז איהר פיהרט אייער ווירטהשאַפט וויא יענער אַלטער פויער, ביי וועלכען איך האָב זיך אָבגעשטעלט פאָהרענדיג אַהער, אַז איהר האָט געפונען אַ מיטעל וויא צו פעראינטערעסירען דיא אַרבייטער אין דעם ערפאָלג פון דער אַרבייט און האָט שוין געפונען יענעם מיטעל־וועג וויא אויסצובעסערען דיא אַרבייט, וואָס זיי געפינען שוין פאַר גוט, און איהר וועט זעהען אַז איהר וועט ניט אויסשעפּען דעם באָדען, וועט בעקומען אין צווייען מעהר, אין דרייהען מעהר איידער פריהער. צוטהיילט אויף העלפט, גיט אַוועק האַלב פאַר דער אַרבייטס־קראַפט, דיא העלפט וואָס וועט אייך בלייבען וועט זיין מעהר און דעם אַרבייטער וועט אָנקומען מעהר. אום דאָס אויסצופיהרען, דאַרף מען פאַראינטערעסירען דעם אַרבייטער אין דעם ערפאָלג פון דער ווירטהשאַפט. וויא מען טהוט דאָס? דאָס איז שוין אַ פראַגע פון איינצעלהייטען, וועלכע קאָנען אויסגעאַרבייט ווערען. אָבער עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דאָס איז מעגליך.“

דאָס האָט לעווינען ניט געלאָזט רוהען און ער האָט אַ האַלבע נאַכט ניט געשלאָפען, בעטראַכטענדיג אַלע איינצעלהייטען וויא צו מאַכען מעגליך דעם פּלאַן. פריהער האָט ער זיך ניט געקליבען אַזוי גיך אַוועקצופאָהרען פון דאַנען, נור איצט האָט ער בעשלאָסען אַז גלייך אין דער פריה וועט ער אָבפאָהרען אַהיים. אויסער דעם האָט ער געפיהלט עפּעס געוויסענביסע, אַזוי וויא ער וואָלט שולדיג זיין אין דעם, וואָס סוויאַזשסקי׳ס שוועגערין האָט אָנגעטאָהן אַ קלייד אַזוי אויסגעבלויזט ביי דער ברוסט. הויפּטזעכליך אָבער האָט ער געמוזט פאָהרען, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרלייגען דיא פויערים זיין נייעם פּלאַן איידער מען נעהמט זעען פאַר דיא ווינטער־תבואות, אַז דאָס זעען זאָל שוין זיין לויט זיין נייעם פּלאַן אויף גאַנץ נייע יסודות. ער האָט בעשלאָסען איבערצוקעהרען דיא גאַנצע ווירטהשאַפט.

## .29

פיעל שווערקייטען זיינען געווען אום אויסצופיהרען לעווינס פּלאַן; אָבער ער האָט זיך געשלאָגען מיט אַלע כוחות, און הגם ער האָט ניט ערגרייכט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, אָבער ער האָט אויסגעפיהרט דאָס, אז ער האָט זיך ניט גענארט און געגלויבט אז עס איז ווערטה צו ארבייטען דעם פּלאַן דורכצופיהרען. דיא הויפּט שווערקייט איז בעשטאַנען דעריין, וואָס דיא ווירטהשאפט האָט דאָך געהאַלטען אין מיטען געהן און מען קאָן דאָך ניט אָבשטעלען אַלץ אין מיטען און אָנהויבען פון דאָס ניי, מען מוז אָנפּאסען דיא ענדערונגען אין דער־עלבער צייט ווען דיא זאַך האַלט אין גאַנג.

ווען ער האָט דעם זעלבען אבענד, קומענדיג א היים, ערקלעהרט דעם פּריקאזשטשיק זיינע נייע פּלענער, האָט דער פּריקאזשטשיק מיט קענטיגער הנאה איינגעשטימט מיט יענעם טהייל פון דער רעדע, וועלכער האָט געוויזען אז אַלעס וואָס איז געטהאָן געוואָרען ביז איצט האָט ניט געטויגט און איז געווען ארויסגעוואָרפען. דער פּריקאזשטשיק האָט זיך אָבגערופען אז ער האָט דאָס דאָך שוין לאַנג געזאָגט, נור מען אָהט איהם ניט געוואָלט הערען. וואָס אַנבעלאַנגט לעווינס פּאָרשלאג, אז ער, דער פּריקאזשטשיק זאָל אויך ווערען א טהיילהאבער אין דער ווירטהשאפט צוזאמען מיט דיא ארבייטער האָט דער פּריקאזשטשיק וועגען דעם בלויז א זיפץ געטהאָן, האָט קיין בעשטימטע מיינונג ניט געזאָגט, און האָט באַלד א קעהר געטהאָן דעם געשפּרעך וועגען דיא נויטיגע ארבייט, וואָס עס איז גלייך צו טהאָן, אז מען דאַרף דיא תבואה אריינפיהרען אין שפּייכלער, א. ז. וו. אַזוי אַז לעווין האָט פערשטאַנען, אַז איצט איז ניטאָ וועגען דעם וואָס צו ריידען.

ווען ער האָט זיך וועגען דעם פּלאַן צורעדט מיט דיא פּויערים און האָט זיי פּאָרגעשלאָגען צו נעהמען לאַנד אויף דיא נייע בעדינגונגען האָט ער זיך ווידער אָנגעשטויסען אויף יענער הויפּט־שווערקייט, וואָס זיי זיינען שטארק פערנומען מיט דער ארבייט, וועלכע מען דאַרף גלייך טהאָן דעם טאָג, און קאָנען ניט אָבגעבען זיך מיט בעטראכטען א נייע אונטערנעהמונג אויף וויפיעל דאָס לוינט פאר זיי אָדער ניט.

דער נאאיווער פּויער, איוואַן, וואָס האָט אכטונג געגעבען אויף דיא פּיה, האָט קענטיג גוט פערשטאַנען לעווין'ס פּלאַן — בעטהייליגען זיך מיט זיין גאַנצער פאמיליע אין זאָרגען פאר דיא פּיה — און האָט פּאָלשטענדיג מיטגע־פיהלט מיט דער אונטערנעהמונג. אָבער ווען לעווין האָט איהם געגעבען צו פאַר־שטעהן וויא דאָס וועט לוינען פאר איהם, האָט זיך אויף איוואַנס פּנים געוויזען אונרוהיגקייט און א מין בעדויערונג, וואָס ער קאָן אין גאַנצען ניט אויסהערען און ער האָט געפונען א תירוץ, אז ער האָט עפּעס א מלאכה וואָס ער מוז גלייך טהאָן.

דיא צווייטע שווערקייט איז בעשטאַנען דעריין, וואָס דיא פויערים האָבען זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז דער פריץ זאָל עפּעס האָבען אַן אַנדער צוועק אין זינען, וויא בלויז אַרויסקריגען פון זיי וואָס מעהר. זיי האָבען איצט אויך געקלעהרט, אַז זיין הויפּט־ציעל זאָגט ער זיי ניט אויס און אַז דער הויפּט ציעל איז זיי צו בעשווינדלען פון קאָפּ ביז דיא פיס. און זיי אַליין האָבען אויך פיעל גערעדט, אַרויסזאָגענדיג זייער מיינונג, נור וואָס זייער צוועק איז דערביי, האָבען זיי אויך ניט אויסגעזאָגט. ער האָט געזעהען, אַז דער אַלטער, גוט־בעזיצער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט גע'טענה'ט, אַז דיא ערשטע זאַך וואָס דיא פויערים ווילען ניט וויסען, איז דאָס פון איינפיהרען עפּעס נייע ערליי זאַכען אין דער ווירטהשאַפטליכער ארבייט. אָבער ניט קוקענדיג אויף דיא אַלע שוועריגקייטען, האָט ער זיך דערשלאָגען דאָס זייניגע, און צו יעסין איז דיא זאַך אַוועק לויט זיין פּלאַן, יעדענפאַלס האָט זיך איהם אַזוי געדוכט.

אַנפאַנגס האָט לעווין געקלעהרט אָבגעבען דיא גאַנצע ווירטהשאַפט וויא זיא שטעהט און געהט, פאַר דיא פויערים, דיא ארבייטער און דעם פריקאַזשטשיק אויף קאַמעראַדשאַפטליכע קאָנדיציאָנען; ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט אַז דאָס איז אונמעגליך איינצוריכטען און ער האָט בעשלאָסען צוטהיילען זיינע גיטער. דער פיה־הויף, דעם גאַרטען, דיא לאָנקעס און פעלדער, צוטהיילט אויף איניגע חלקים. דער נאַאיווער איוואַן, וועלכער האָט דוכט זיך בעסער פון אַלעמען פערשטאַנען לעווינס פּלאַן, האָט צונויפגעקליבען פאַר זיך חברים, הויפּטזעכליך פון זיין אייגענער משפחה, און איז געוואָרען אַ טהיילהאַבער פון פיה־הויף. דעם ווייטען פעלד, וואָס איז געלעגען פערווילדעט אכט יאָהר, האָט גענומען דער פּלאָטניק רעזונאָוו מיט נאָך זעקס פויערשע פאַמיליען צו בעארבייטען לויט דעם נייעם פּלאַן, און דעם פויער שוראיעוו זיינען אָנגעקומען אַלע גערטנער. אַלעס איבריגע איז פאָרלויפיג געבליבען אויפ'ן אַלטען שטייגער. אָבער דיזע דריי חלקים זיינען געלייגט געוואָרען אלס אַ יסוד פון דעם נייעם ווירטהשאַפטליכען פּראָיעקט.

אמת, אין פיה־הויף איז דיא זאַך צוגעגאַנגען ניט בעסער איידער ביז איצט, און איוואַן האָט געארבייט געגען דעם אַז דיא פיה־שטאַהלען זאָלען זיין וואַרעם, בעהויפּטענדיג, אַז אין קעלט עסט אַ בהמה ניט אַזוי פיעל און דאַרום וועט זיך פאָדערן ווייניגער קאָרמע, און ער האָט געפאָדערט שכירות וויא פריהער, און איהם האָט ניט אָנגעהויבען צו קימערן וואָס דאָס געלד וואָס ער בעקומט איז ניט קיין שכירות נור אויפגאָב אויף זיין חלק פרנסה וואָס איהם וועט אַרויסקומען. אמת, דיא פויערים, וואָס האָבען געדאַרפט בעארבייטען דיא פעלדער, וואָס זיינען דאָך שוין זייערע האָבען צוזאַמען מיט רעזונאָווען אָפּט גע'טענה'ט צו לעווינען: „ווען ער וואָלט בעסער געקריגען געלד פאַר דער ערד, וואָלט איהר רוהיגער זיין און מיר וואָלטען ניט זיין געבונדען“. אמת, אַז ריידענדיג אָפּט מיט דיא פויערים און ערקלעהרענדיג זיי וויא עס לוינט פאַר זיי צו ארבייטען אויף אַזאַ נייעם אופן, האָט לעווין געפיהלט אַז זיי הערען בלויז דעם ניגון פון זיין שטימע און טראַכטען מיט זיכערהייט, אַז וואָס דער פריץ זאָל זיך דאָרט ניט ריידען, זיי וועלען זיך ניט לאָזען אַרייננאַרען אין זאַק אַריין.

אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָט לעווינען אויסגעוויזען, אַז דיא זאַך וועט אַוועק וויא עס דאַרף צו זיין מיט דער צייט; ער האָט שטריינג געפיהרט דיא רעכענונגען און איז געשטאַנען דערויף, אַז ער וועט ייי וויזען אין דער צוקונפט וויא עס לוינט אַזאַ איינאָרדנונג און אַז דאַן וועט אַלעס געהן פון זיך אַליין. דיא אויספיהרונג פון דיא דאָזיגע פּלענער צוזאַמען מיט זיינע ארבייט אויף זיין ווערק האָט געהאַלטען לעווינען אַזוי בעשעפטיגט, אַז ער איז דעם זומער אפילו אויף יאַגד ניט געגאַנגען.

ענדע אויגוסט האָט זיך לעווין דערוואוסט, אַז דיא אבלאנסקים האָבען זיך איבערגעקליבען שוין צוריק קיין מאָסקווא; ער האָט זיך דאָס דערוואוסט פון זייערען אַ דינער, וועלכער האָט איהם אָבגעבראַכט דעם זאָטעל. ער האָט געפיהלט, אַז דערמיט וואָס ער האָט ניט געענטפערט אויף דאַריא אַלעקסאַנדראָוונאַס בריעף, האָט ער פערברענט זיינע שיפען און וועט שוין מעהר קיין מאָהל ניט קאָנען קומען צו זיי. פונקט אַזוי האָט ער זיך אויך בעגאַנגען מיט דיא סוויאַזשסקים, איז אַוועקגעפאָהרען ניט נעהמענדיג קיין אָבשיעד. ער וועט אָבער צו זיי אויך שוין מעהר קיין מאָהל ניט פאָהרען. איצט איז דאָס איהם אַלץ איינס. דיא איינריכטונג פון זיין ווירטהשאַפט האָט איהם אַזוי בעשעפטיגט וויא ער איז נאָך קיין מאָהל אין זיין לעבען אַזוי בעשעפטיגט ניט געווען.

ער האָט דורכגעלעזען דיא ביכער, וועלכע ער האָט בעקומען ביי סוויאַזשסקי און אויסשרייבענדיג דיא ביכער, וועלכע האָבען איהם געפעהלט, האָט ער דורכגעלעזען פּאָליטיש עקאָנאָמישע ווערקע און סאָציאַליסטישע ביכער וועגען דעמזעלבען געגענשטאַנד און, וויא ער האָט פריהער ערוואַרטעט, האָט קיין זאַך ניט געפונען וועגען דער זאַך, וועלכע ער האָט אונטערנימען. אין דיא פּאָליטיש עקאָנאָמישע ביכער, צ. ב. ש. אין דיא ווערקע פון מילל, וועלכען ער האָט דעם ערשטען אויסשטודירט מיט גרויס חשק, האָפענדיג אַז ער וועט דאָרט געפינען דיא לייזונג פון דיא פראַגען, וועלכע אידם אינטערעסירען, האָט ער געפונען דיא געזעצע, וועלכע זיינען אָן אויספיהרונג פון דיא ווירטשאַפטליכע אומשטענדען פון איירָאָפּאַ; ער האָט אָבער ניט איינגעזעהען, פאַר וואָס דיא דאָזיגע געזעצע דאַרפען זיין אַלגעמיינע, ווען מען זאָל זיי צופּאַסען צו רוסלאַנד.

דאָסזעלביגע האָט ער אויך געזעהען אין דיא סאָציאַליסטישע ביכער: אָדער דאָס זיינען געווען שעהנע, נור ניט אויספיהרבאַרע פאַנטאַזיעס, פון וועלכע ער איז בעגייסטערט געוואָרען ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט, אָדער דאָס זיינען פאַרריכטונגען און פאַרלאַטונגען פון דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון איירָאָפּאַ, וואָס קאָנען גאָר ניט אָנגעפּאַסט ווערן פאַר דער אַגריקולטורעלער רוסישער מדינה. פּאָליטישע עקאָנאָמיע זאָגט, אַז דיא געזעצע לויט וועלכע איירָאָפּאַ'ס רייכקייט האָט זיך ענטוויקעלט און ענטוויקעלט זיך, זיינען אלגעמיינע געזעצע און אונצוּוויפעלהאַפטע. דיא סאָציאַליסטישע לעהרע זאָגט, אַז דיא עקאָנאָמישע ענטוויקלונג לויט דיא דאָזיגע געזעצע פיהרט צו אַ חורבן. און ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע גיט ניט דיא קלענסטע אנדייטונג דערויף, וואָס ער, לעווין, און אַלע רוסישע פויערים און לאַנד־אייגענטהימער זאָלען טאָהן מיט זייערע מי־

ליאָנען הענד און מיליאָנען דעסיאַטינעס ערד, אַז זיי זאָלען זיין וואָס פּרוכטבאַרער כדי אַלע זאָלען קאָנען לעבען בהרחבה.

איין מאָהל האָט ער זיך דערפאַר גענומען האָט ער שוין איבערגעלעזען אַלעס, וואָס עס האָט נור בעלאַנגט צו דעם געגענשטאַנד און ער האָט געהאַט בדעה אין הערבסט צו פאָהרען קיין אויסלאַנד כדי צו אויסשטודירען דיא דאָזיגע אַנגעלעגענהייט אויפ'ן פּלאַץ און מיט איהם זאָל אין דער דאָזיגער פראַגע ניט טרעפען דאָסזעלביגע וואָס עס טרעפט מיט איהם וועגען אַנדערע פראַגען, אַז וויא נור ער הויבט אָן צו פאַרשטעהן דעם געדאַנק פון זיין דיסקוטאַנט, וויא מען גיט איהם אַ זאָג: „און קויפמאַנס ווערקע האָט איהר געלעזען? און דזשאַנס, און מיטשעלס, און דיובואַ? איהר האָט זיי ניט געלעזען? אַך, לעזט זיי דורך, זיי האָבען בעאַרבייט דיא דאָזיגע פראַגע“.

ער האָט איצט געזעהען קלאָהר, אַז קויפמאַן און מיטשעל, האָבען איהם ניט וואָס צו זאָגען. ער האָט געוואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געזעהען אַז רוסלאַנד האָט פרעכטיגעס לאַנד, פרעכטיגע אַרבייטער און אַז אין מאַנכע פעלע, וויא ביי דעם אַלטען פויער, ביי וועלכען ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן וועג צו סוויאַזשסקי ברייגגען דיא ערד און דיא אַרבייטער פיעל ארויס, אין דיא מעהרסטע פעלע אָבער, ווען עס ווערט אָנגעווענדעט קאַפּיטאַל אויף אַן אייראָפּעאישען אופן קומט ארויס ווייניג. און ער האָט געזעהען, אַז דאָס קומט ארויס דערפון, וואָס דיא אַרבייטער ווילען אַרבייטען און אַרבייטען גוט בלויז אויף זייער אייגענעם אופן און אַז דאָס איז ניט עפּעס אַ צופעליגער צו־להכעיס נור אַ שטענדיגע, וואָס עס האָט אַ גרונד אין דעם גייסט גופא פון פאָלק. דאָס רוססישע פאָלק — האָט ער געטראַכט — האָט פון דער נאַטור אַליין דיא אייגענשאַפט צו בעזעצען און בעאַרבייטען אונגעהייערע אונבעאַרבייטע שטרעקעס; ער טהוט דאָס בעוואוסטערהייט ביז דאַן, ביז וואַנען אַלע שטיקער לאַנד זיינען ניט פערנומען געוואָרען און אַז ער האַלט זיך פאַר זיינע אייגענע מיטלען און דיא דאָזיגע מיטלען זיינען גאָר ניט אַזעלכע שלעכטע וויא מען מיינט געוועהנליך. און דאָס האָט ער טהעאָרעטיש געוואָלט בעווייזען אין אַ בוך, און פראַקטיש מיט זיין אייגענער ווירטהשאַפט.

30.

ענדע סעפּטעמבער איז געווען ארויסגעפיהרט געהילץ אום צו בויען אַ הויף אויף דער ערד, וועלכע איז אָבגעגעבען געוואָרען פאַר דיא פויערים בחברותא, און עס איז פאַרקויפט געוואָרען דיא פוטער פון דיא בהמות און דיא פרנסה איז צוטהיילט געוואָרען פאַר אַלעמען. פראַקטיש איז אין דער ווירטהשאַפט אַלעס געגאַנגען זעלטען גוט, אָדער יעדענפאַלס האָט לעווינען אַזוי זיך אויסגעוויזען. אַלעס וואָס איז פאַר איהם איצט נויטיג איז אַריבערפאָהרען קיין אויסלאַנד אום

טהעאָרעטיש דיא זאַך צו ערקלעהרען און ענדיגען זיין ווערק, וועלכעס, וויא ער האָט געמיינט, וועט ניט נור מאַכען אַן איבערקעהרעניש אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע, נור וועט אין גאַנצען פערניכטען דיא דאָזיגע לעהרע און וועט לייגען אַ יסוד פאַר אַ נייער לעהרע, אַ לעהרע וועגען דער שייכות צווישען פאָלק און דעם באָדען. דאָרט אויפ׳ן פּלאַץ צו אויסשטודירען אַלעס, וואָס איז דאָרט אויפגעטאָהן געוואָרען אין דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט און געפינען איבערצייגענדע בעווייזע, אַז אַלעס דאָס, וואָס איז דאָרט געטאָהן געוואָרען איז ניט דאָס וואָס מען דאַרף.

לעווין האָט נור געוואַרט ביז עס וועט צוגעשטעלט ווערען דיא ווייץ, אַז ער זאָל אָבלייזען געלד און פאָהרען קיין אויסלאַנד. עס האָבען זיך אָבער אָנגעהויבען רעגענס, איבער וועלכע מען האָט ניט געקאָנט איינזאַמלען דיא תבואות, וואָס זיינען געבליבען אויפ׳ן פעלד, און דיא קאַרטאָפעל, און מען איז געבליבען אין מיטען דער אַרבייט און מען האָט ניט געקאָנט צושטעלען אפילו דיא ווייץ. דיא וועגען זיינען געוועזען פערפלייצט, צוויי מיהלען זיינען אַראָבגעטראָגען געוואָרען און דער וועטער ווערט אַלץ ערגער און ערגער.

דעם דרייסיגטען סעפּטעמבער האָט זיך אין־דער־פריה געוויזען דיא זונן און האָפענדיג אויפ׳ן גוטען וועטער, האָט לעווין זיך פערטיג געמאַכט צו דער רייזע. ער האָט געהייסען אָנשיטען ווייץ אין דיא זעק, האָט געשיקט דעם פּריקאַזטשיק צו דעם סוחר געלד נעהמען און אַליין איז ער אַרומגעפאָהרען איבער זיינע פעלדער און לאָנקעס אום איינצואָרדנען פאַר זיין אָבפאָהר וואָס עס דאַרף געטאָהן ווערען און וויא און ער זאָל קאָנען לאָזען פעראָרדנונגען. צו אַבענד איז לעווין געקומען אַהיים אַ נאַסער, אַן אויסגעווייקטער, אָבער אַ מונטערער. דער אונגעוויטער איז צו אבענד געוואָרען נאָך ערגער, אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם טרויער פון דער ארומיגער נאַטור, האָט ער זיך געפיהלט בעזונדער אויפגעמונטערט. זיינע געשפּרעכען מיט דיא פּויערים פון דיא ווייטערע דערפער האָבען איהם איבערצייגט, אַז זיי הויבען אָן צוגעוועהנען זיך צו דיא נייע בעציהונגען. אַן אַלטער פּויער, צו וועלכען ער איז אַריינגעפאָהרען אָבטריקענען זיך, האָט געלויבט לעווינס פּלאַן און האָט אַליין איהם פאָרגעשלאָגען צו קויפען בשותפות פיה.

„מען דאַרף נור פעסט געהן צום ציעל און איך וועל זיך דערשלאָגען מיינס — האָט געטראַכט לעווין — און עס איז ווערטה דיא מיה. דאָס איז ניט מיינע אַ פּערזענליכע אַנגעלעגענהייט, נור דאָס איז לטובת הכלל. דיא גאַנצע ווירטהשאַפטליכע אומשטענדען מוזען געענדערט ווערען, און דאָס הייסט, אַז דיא לאַגע פון פאָלק וועט זיך ענדערען, אַנשטאָט אָרעמקייט וועט אָנקומען אַלגעמיינער וואָהלשטאַנד, בעפריעדיגונג; אַנשטאָט פיינדשאַפט — האַרמאָניע און געמיינשאַפטליכע אינטערעסען. מיט איין וואָרט אַ רעוואָלוציאָן, אָבער ניט קיין בלוטיגע, נור דיא גרעסטע רעוואָלוציאָן, אָנגעהויבען פון אַ קליינעם קרייז פון אונזער אויעזד, דערנאָך דיא גאַנצע גובערניע, דערנאָך גאַנץ רוסלאַנד און דאַן דיא גאַנצע וועלט. ווארום אַ גערעכטע אידעע קאָן ניט זיין אונפּרוכטבאַר. יאַ, דאָס איז אַ צוועק פאַר וועלכען עס איז ווערטה צו אַרבייטען. אַי, וואָס דאָס ווערט געטאָהן פון מיר, קאָסטיאַ לעווין, דערזעלביגער וועלכער איז געקומען צו דיא שטשערבאַצקים אויפ׳ן באַל אין אַ שוואַרצען האַלזטוך און שטשערבאַצקאַיאַ האָט

זיך אָבגעזאָגט פון א שידוך מיט איהם און ער איז פאר זיך אליין א נעביכקע, אן אונבעדייטענדער — דאָס ווייזט גאָר נישט. איך בין זיכער, אז פראנקלין האָט זיך אויך געפיהלט אונבעדייטענד און האָט אויך אזוי אין זיך ניט געגלויבט, דערמאָנענדיג זיך אויף אלעס. דאָס מאכט ניט אויס, און מסתמא האָט ער אויך געהאט זיין אגאפיא מיכאילאָוונא, וועלכער ער האָט פערטרויט אלע זיינע געהיימניסע“.

אזעלכע נעדאנקען האָבען זיך ביי איהם בעוועגט אין קאָפּ, ווען ער איז צוגעפאָהרען צום הויז. דער פריקאזטשיק, וועלכען ער האָט געשיקט צום סוחר איז שוין געקומען צוריק און האָט געבראכט געלד פאר דיא ווייץ. נאכ׳ן עסען האָט זיך לעווין געזעצט און וויא געוועהנליך, ארבייטען אויף זיין בוך, און ער האָט לעזענדיג פאָרטגעזעצט טראכטען וועגען זיין ווערק און וועגען דער רייזע וואָס ער אונטערנעהמט. היינט האָט זיך פאר איהם קלאָהרער פון ווען עס איז פאָרגעשטעלט דיא גרויסע בעדייטונג פון זיין פלאן. און גאנצע שטיקער זיינען ארויסגעקומען קלאָהר, וועלכע האָבען ריכטיג אויסגעדריקט זיינע געדאנקען.

„דאָס דארף מען פערשרייבען — האָט ער זיך געטראכט — דאָס דארף מען אויסדריקען אלס א קורצע הקדמה, וועלכע איך האָב פריהער ניט גערעכענט פאר נויטיג“. אָבער ער האָט ניט צייט געהאט ווייטער צו שרייבען, ווארום עס זיינען געקומען דיא עלטסטע נאָך פעראָרדנונגען, וועלכע ארבייט עס זאָל געטאָהן ווערען מאָרגען. ווען ער איז מיט זיי פארטיג געוואָרען, איז ער אריין אין קאבינעט און האָט זיך גענומען פאר דער ארבייט. זיין הונד לאסקא האָט זיך אוועקגעלייגט לעבען זיינע פיס אונטערן טיש; און אגאפיא מיכאילאָוונא מיט דער זאָק אין האנד האָט זיך אוועקגעזעצט אויף איהר פּלאַץ.

נאָך דעם וויא ער איז א קורצע צייט געזעסען און האָט געשריבען האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט וועגען קיטי און וועגען דער לעצטער בעגעגעניש מיט איהר.

ער איז אויפגעשטאנען און האָט אָנגעהויבען אומגעהן הין און צוריק איבער׳ן צימער.

— ניטאָ וואָס צו זאָרגען — האָט איהם געזאָגט אגאפיא מיכאילאָוונא — נו, וואָס זיצט איהר אין דערהיים? וואָלט איהר א פאָהר טאָהן אין דיא ווארעמע בעדער, ווען איהר קלייבט זיך שוין.

— פאָהר איך דאָך איבערמאָרגען, אגאפיא מיכאילאָוונא. אָבער מען דארף פריהער פארטיג ווערען מיט דיא עסקים.

— וועלכע עסקים! האָט איהר נאָך ווייניג צוגעבען דיא פויערים? זיי זאָגען אזוי אויך: אייער פריץ וועט דערפאר פון׳ם קיסר בעקומען א בעלוינונג. א מאָדנע זאך: וואָס זאָרגט איהר זיך אזוי וועגען דיא פויערים?

— איך זאָרג ניט פאר זיי, איך טהו דאָס פון זיך אליין וועגען.

אגאפיא מיכאילאָוונא האָט געוואוסט אלע איינצעלהייטען פון לעווינס פּלענער. לעווין פלעגט אָפט גענוי פאָרלייגען פאר איהר זיינע געדאנקען און פלגט אָפט האמפּערן זיך מיט איהר און איז ניט איינפערשטאנען געוועזען מיט איהר. אָבער איצט האָט זיא אין גאנצען אנדערש פערשטאנען, וואָס ער האָט איהר געזאָגט.

— וועגען דער נשמה, דאס איז דיא הויפט זאך וועגען וואס א מענש דארף זארגען, איהר זייט גערעכט — האט זיא געזאגט מיט א זיפץ — אט איז פארפען דעניסיטש, אפילו גאר אן עם־הארץ געווען, פון דעסטוועגען ניט מיאוסער זאל קיין מענש שטארבען, מיט וידוי און מיט תשובה....

— איך רייד ניט וועגען דעם — האט ער געזאגט — איך זאג, אז איך טהו דאס, ווייל מיר לוינט אזוי. מיר לוינט בעסער, ווען דיא פויערים ארבייטען מיט חשק.

— וועגען דעם איז וויא איהר זאלט ניט טאהן, נור ווען ער איז א פוילענצער וועט ער אלץ טאהן קיידער־ווידערדיג. אויב ער האט א געוויסען וועט ער ארבייטען, און אויב ער האט קיין געוויסען ניט, וואס קאנט איהר העלפען?

— איהר זאגט דאך אבער אליין, אז איוואן האט אנגעהויבען בעסער אכטונג צו געבען אויף דיא בהמות?

— איך זאג איין זאך, חתונה האבען דארפט איהר, אט וואס!

דאס, וואס אגאפיא מיכאילאוונא האט איהם דערמאנט וועגען דאסזעלביגע וועגען וואס ער האט נור וואס געטראכט, האט איהם עפעס פערדראסען און ער האט זיך געפיהלט וויא בעליידיגט. ער האט זיך אנגעבלאזען און ניט ענטפערענדיג איהר האט ער זיך ווידער געזעצט צו דער ארבייט, ווידערהאלענדיג פאר זיך אליין ווידער אלעס דאס וואס ער האט געטראכט וועגען זיין ארבייט.

א זייגער ניין האט זיך דערהערט א גלעקעל און דאס שניידען פון שינעס אין געדיכטע בלאטע.

— דאס זיינען צו אייך געסט געקומען צופאהרען, וועט אייך ניט לאנגווייליג זיין — האט געזאגט אגאפיא מיכאילאוונא, אויפשטעהענדיג און געהענדיג צו דער טהיר. אבער לעווין האט זיא איבערגעיאגט. זיין ארבייט איז איצט עפעס ניט געגאנגען און ער האט זיך געפרעהט וואס אימיצער איז געקומען צו בעזוך, ווער עס זאל דארט ניט זיין.

## 31.

ארויבלויפענדיג ביז א העלפט פון דיא טרעפ, האט לעווין דערהערט אין פאדער צימער א בעקאנטען קלאנג פון אבהוסטען זיך; אבער ער האט ניט גענוג קלאהר איהם געקענט הערען איבער דער קלאפעריי פון זיינע טריט און ער האט געהאפט, אז ער מאכט דאס א טעות; דערנאך האט ער דערזעהען דיא גאנצע לאנגע ביינערדיגע, בעקאנטע פינגער, און ער האט שוין ניט געקאנט מאכען קיין טעות, אבער איהם האט זיך געדוכט, אז פיעלייכט האט ער דאך א טעות און דאס איז ניט זיין ברודער ניקאלאי.

לעווין האט געליעבט זיין ברודער, אבער זיין מיט איהם אין איינעם איז אלע מאהל געווען פאר איהם אן אבקומעניש. איצט, ווען זיינע ערפאינערונגען און

אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ׳ס ווערטער האָבען איהם אַזוי צומישט דיא געדאַנקען איז איהם דאָס זעהען זיך מיט׳ן ברודער פאָרגעקומען נאָך שווערער וויא געוועהנליך. אַנשטאָט אַ געזונדען, מונטערען גאַסט, אַ פרעמדען מענשען, וועלכען ער האָט געהאָפט צו בעגעגענען און וועלכער זאָל איהם אַביסעל צושטרייען זיינע געדאַנקען, דאַרף ער גאָר פאַרברייגגען מיט זיין ברודער, וועלכער וועט אין איהם אַרויסרופען ווידער דיא סאַמע האַרציגסטע געדאַנקען און פאַר וועלכען ער וועט אָפען מוזען אַרויסזאָגען אַלעס וואָס ביי איהם איז אויף דער נשמה. און דאָס האָט ער איצט ניט געפיהלט וויא צו טאָהן.

זייענדיג אויפגעבראַכט געגען זיך אַליין פאַר אַזעלכע מיאוסע געפיהלען, איז לעווין אַראָבגעלאָפען אין פאָדער־צימער; און וויא ער האָט נור דערזעהען דעם ברודער איז דער דאָזיגער געפיהל פון פערזענליכע ענטטוישונג באַלד פערשוואונדען און איז פערביטען געוואָרען מיט דעם געפיהל פון רחמנות. וויא שרעקליך דער ברודער האָט פריהער ניט אויסגעזעהען מיט זיין מאַגערקייט און אַבגעצעהרטקייט איז ער נאָך איצט געוועזן ערגער. דאָס איז געוועזן אַ סקעלעט בעצויגען מיט אַ הויט.

ער איז געשטאַנען אין פאָדערצימער, צוקענדיג מיט זיין מאַגערען נאַקען, אַראָבשלעפענדיג דעם אַרומגעוויקעלטען שאַרף און האָט זאָנדערבאַר רחמנות׳דיג געשמייכעלט. דערזעהענדיג דעם שמייכעל, אַזוי מילד, אַזוי אונטערטהעניגליך, האָט לעווין דערפיהלט, אַז ספּאַזמען שטיקען זיין האַלז.

— בין איך געקומען צו פאָהרען צו דיר — האָט געזאָגט ניקאָלאַי מיט אַ דומפּער שטימע, אויף קיין זעקונדע ניט אַראָבלאָזענדיג דיא אויגען פון דעם ברודער׳ס פּנים — איך האָב שוין לאַנג געקליבען זיך צו קומען, נור האָב עפּעס אַלץ געקריינקט. איצט האָב איך זיך בעדייטענד פערבעסערט — האָט ער געזאָגט ווישענדיג זיין באָרד מיט דיא גרויסע, מאָגערע הענד.

— יאָ, יאָ, — האָט געזאָגט לעווין, — און איהם איז געוואָרען טרויעריג ווען ער האָט זיך צוקושט מיט׳ן ברודער און האָט דערפיהלט דיא מאַגערקייט פון זיין קערפּער און האָט אַזוי נאָהענט דערזעהען זיינע גרויסע, זאָנדערבאַר לייכטענדע אויגען.

מיט עטליכע וואָכען פאַר דעם האָט קאָנסטאַנטין לעווין געשריבען דעם ברודער, אַז פון דעם פערקויף פון אַ קליינעם טהייל לאַנד, וואָס האָט צו זיי בעלאַנגט צוזאַמען קומט איהם אַרויס אויף זיין חלק אונגעפעהר 2000 רובעל. ניקאָלאַי האָט איהם ערקלעהרט, אַז ער איז איצט געקומען אָבנעהמען דאָס געלד און הויפּטזעכליך בעזוכען זיין היימישע נעסט, בעריהרען דיא ערד אום אָנצונעהמען זיך קראַפט פאַר זיין בעפאָרשטעהענדע טהעטיגקייט. לעווין האָט איהם אַריינגעפיהרט אין קאַבינעט. ניקאָלאַי האָט זיך איבערגעטאָהן מיט בעזונדער זאָרג, וואָס מיט איהם איז קיין מאָל פריהער ניט געוועזן, האָט פערקאַמט זיינע שיטערע, גלייכע האָאָר און איז שמייכלענדיג אַרויף אויבען. ער איז געוועזן מונטער און צערטליך, וויא לעווין האָט איהם געדיינקט ווען ער איז נאָך געוועזן אַ קינד. אַפּילו וועגען סערגיי איוואַנאָוויטש האָט ער גערעדט אָהן ביטירקייט. דערזעהענדיג אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט ער מיט איהר געשפּאַסט און האָט זיך נאַכגעפרעגט

וואס עס מאכען דיא אלטע דיענער. דיא נאכריכט, אז פארפען דעניסימטש איז געשטארבען האט געמאכט אן אונאנגענעהמע ווירקונג אויף איהם. אויף זיין פנים האט זיך אויסגעדריקט שרעק. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך.

— ער איז שוין זעהר אלט געווען — האט ער געזאגט און האט גלייך געביטען דעם געשפרעך — יא, איך וועל ביי דיר פערברייגען א חודש אדער צוויי, און דערנאך קיין מאסקווא. ווייסט דוא, מיר האט דאך מיאכקאוו פערשפראכען א שטעלע און איך וועל ביי איהם דינען. איצט וועל איך מיין לעבען שוין גאנץ אנדערש איינארדנען — האט ער פארטגעזעצט — דוא ווייסט, איך האב דיא דאזיגע פרוי אוועקגעשיקט, דערווייטערט פון זיך.

— מאריא ניקאלאיעוונא? וויא אזוי, פארוואס?

— אך, דאס איז א פאסקודנע פרויענצימער! האט מיר אנגעטאהן א מאסע אונאנגענעהמליכקייט.

ער האט אבער ניט דערצעהלט וואס פאר אונאנגענעהמליכקייטען דאס זיינען געווען. ער האט ניט געקאנט זאגען, אז ער האט ארויסגעטריבען מאריא ניקאלאיעוונא דערפאר, וואס זיא האט איהם דערלאנגט שוואכען טהעע, און הויפטזעכליך דערפאר, וואס זיא האט איהם בעהאנדעלט און בעדיענט וויא א קראנקען — היינט וויל איך איצט אין אלגעמיין אין גאנצען ענדערען מיין לעבען. זעלבסטפערשטענדליך, אז איך האב בעגאנגען פעהלערן אזוי וויא אלע, אבער וואס אנבעלאנגט פערמעגען, דאס איז דיא לעצטע זאך, און דאס קימערט מיך נים. ווען עס זאל נור זיין געזונד, און מיין געזונד בעסערט זיך, דאנקען גאט.

לעווין האט געהערט און איבערגעטראכט, אבער האט ניט געקאנט צוטראכטען וואס צו זאגען. אפנים ניקאלאי האט דערפיהלט דאסזעלביגע, ער האט אנגעהויבען אויסצופרעגען זיין ברודער וועגען זיינע אנגעלעגענהייטען, און לעווין איז געווען גערן צו ריידען וועגען זיך, ווארום מיט איהם האט ער געקאנט ריידען פארשטעלטערהייט. ער האט דערצעהלט ניקאלאיען זיינע פלענער און וואס ער טהוט.

דער ברודער האט געהערט, נור קענטיג געווען, אז ער האט זיך דערמיט ניט אינטערעסירט. די דאזיגע צוויי מענשען זיינען געווען אזוי לייבליך און אזוי נאהענט איינער צום צווייטען, אז די קלענסטע בעוועגונג, דער טאן פון דער שטימע האט גערעדט פאר ביידען מעהר איידער אלעס וואס ראט געקאנט געזאגט ווערען אין ווערטער.

איצט איז ביי זיי ביידען געווען איין געדאנק: ניקאלאיס קראנקהייט און דיא נאהענטקייט פון זיין טויט, און דאס האט פערדונקעלט אלע אנדערע געדאנקען. אבער ניט איינער און ניט דער צווייטער האבען געוואגט צו ריידען וועגען דעם, און דארום אלעס, וואס זיי האבען גערעדט, ניט דערמאהנענדיג דעם הויפט געדאנק, וואס האט פערנומען זייערע קעפ, איז געווען פאלש. דארום איז לעווין אזוי גערן געווען, ווען ס'האט זיך געענדיגט דער אבענד און מ'האט געדארפט געהן שלאפען. קיין מאהל, איז ער מיט קיין פרעמדען מענשען און אויף קיין אפיציעלען וויזיט ניט געווען אזוי אוננאטירליך וויא ער איז געווען מיט זיין אייגענעם ברודער, איבער דעם וואס זיי ביידע האבען פערשטיקט אין זיך דעם הויפט־

געדאנק, פון זייער זינען. לעווינען האָט זיך געוואלט ווײנען אויף זיין שטערבענדען ברודער, און געמוזט האָט ער מאכען זיך וויא ער הערט זיין געשפרעך און ריידען מיט איהם גאָר וועגען דעם וויא ער וועט איצט איינאָרדנען זיין לעבען.

אין הויז איז געווען דיא לופט רוי און בלויז איין צימער איז געווען בעהייצט. האָט לעווין דעם ברודער אוועקגעשיקט שלאָפען אין זיין שלאָפצימער. דער ברודער האָט זיך געלעגט שלאָפען, אָבער צו איז ער געשלאָפען צו ניט, נור געוואָרפען האָט ער זיך וויא א קראנקער, האָט געהוסט, און ווען ער האט ניט געקענט אָבהוסטען זיך, האָט ער עפּעס געברומט. מאנכעס מאָהל, ווען ער האט שווער געזיפצט, האָט ער גערעדט : „אך, מיין גאָט !“ און אמאָהל ווען דיא לייכעץ האָט איהם געשטיקט, האָט ער מיט פערדרוס ארויסגעברומט, „אך, טייפעל !“ לעווין האָט לאנג ניט געשלאָפען, צוהערענדיג זיך צו איהם. זיינע געדאנקען זיינען געווען זעהר פערשיעדענע, אָבער דער אויסלאָז פון יעדער געדאנק איז געווען דערזעלביגער — טויט.

דער טויט, אלס דער אונפערמיידליכער סוף פון אלעס, האט זיך איהם פאָרגעשטעלט צום ערשטען מאָהל מיט אן אונבעשטריטענער קראפט. און דער דאָזיגער טויט, וועלכער איז דאָ געווען אנוועזענד, אין דעם געליעבטען ברודער, וועלכער קרעכצט פון שלאָף און רופט לויט געוועהנהייט דאס גאָט און דאס דעם טייפעל, איז געווען גאָר ניט אזוי ווייט, ווי איהם האָט זיך דאס אימער פאָרגעשטעלט. דער טויט איז געווען אויך אין איהם אליין — ער האט דאס געפיהלט. ניט היינט איז מאָרגען, ניט מאָרגען—איז אין דרייסיג יאָהר ארום, וואָס איז ניט אלץ איינס. און וואס איז דאס אזוינס דער דאָזיגער אונפערמיידליכער טויט, דאס האט ער ניט נור ניט געוואוסט, און האָט ניט נור קיין מאָל ניט געטראכט וועגען דעם, נור האָט ניט געקענט און האט ניט געוואגט צו טראכטען וועגען דעם.

„איך ארבייט, איך וויל וואָס אויפטאָהן, און איך האָב זיך פערגעסען, אז אלעס וועט זיך ענדיגען, אז — טויט.“

ער איז געזעסען אין דער פינסטער אויף דער בעטעל, צונויפגעבויגט און האט ארומגענומען זיינע קניע, און האט געטראכט, איינהאלטענדיג דעם אָטהעם איבער דער אנשטרענגונג פון זיינע געדאנקען. אָבער וואָס מעהר ער האָט אנגעשטריינגט זיינע געדאנקען, אלץ קלעהרער איז איהם געווארען, אז דאס איז טאקי אזוי, אז ער האָט זיך אין דער ווירקליכקייט פארגעסען, האָט פערבייגעלאָזען איין קליינינקען אומשטאנד, און דאס איז — אז עס וועט קומען דער טויט און אלעס וועט זיך ענדיגען, אז עס איז ניט ווערטה אָנצוהויבען וואס ניט איז און אז העלפען דערצו איז בשום אופן ניט מעגליך. יא, דאס איז שרעקליך, אָבער דאס איז אזוי.

„אָבער איך לעב דאָך נאָך. וואס זשע זאָל איך איצט טאָהן ? וואס טאָהן?“ — האט ער גערעדט צו זיך מיט פערצווייפלונג. ער האט אָנגעצונדען א ליכט און איז שטילערהייט צוגעגאנגען צום שפּיעגעל און האט אָנגעהויבען צו בעקוקען זיין פנים און זיינע האאר. יא, אין דיא שלייפען זיינען שוין געווען גרויע האָאר. ער האָט געעפענט דעם מויל. דיא הינטערשטע צייהנער האָבען שוין אָנגעהויבען מכולה ווערען. ער האט אויפגעדעקט נאקעט זיינע מוסקול־קרעפטיגע הענד. יא, נאָך פיעל

קראפט פאראן. יא, אָבער ביי ניקאָלינקען, וועלכער אַטהעמט דאָרט אזוי שווער איז דאָך אויך געווען אַ קרעפטיגער, געזונדער קערפּער. און ער האָט זיך דערמאָנט, וויא זיי פּלעגען זיך שפּילען אלס קליינע קינדער, ווי זיי פּלעגען ווארטען, אויפ־שטעהענדיג אין דער פריה, אז פּיאָדאָר זאָל ארויס פון טיהר. און וויא ער פלעגט ארויס פּלעגען זיי אָנהויבען ווארפען איינער אין דעם אנדערן מיט קישעלאך און עס האָט געדווישט איבער דיא ברעגען דאָס בעוואוסטזיין פון גליק פון לעבען, און איצט דיא דאָזיגע צוקרימטע, פוסטע ברוסט... און איך, ניט ווייסענדיג וואס און וויא מיט מיר וועט זיין...“

— ק־כא! ק־כא! אַ, צום טייפעל! וואס שלעפסטו זיך דאָרט ארום, פארוואס שלאָפסט דו ניט? — האָט איהם צוגעשריען דעם ברודערס שטימע.

— אזוי, איך ווייס ניט, עס שלאָפט זיך ניט.

— און איך האָב גוט געשלאָפען, איך שוויץ שוין איצט ניט. גיב אַ קוק, טאפּ אָן דיא העמד, ניטאָ קיין שווייס?

לעווין האָט אַ טאפּ געטאָהן זיין העמד. איז אוועק צו זיך, האָט פערלאָשען דיא ליכט, האָט אָבער נאָך לאַנג ניט געשלאָפען. נור־וואס פאר איהם איז קלאָהר געווארען דיא פראגע ווי צו לעבען, ווי עס איז אויפגעקומען אַ נייע אונלייזבארע פראגע — דער טויט.

„נו, ער שטארבט; נו, ער וועט צו פריהלינג שטארבען, וויא־זשע זאָל איך איהם העלפען? וואס קען איך איהם זאָגען? וואס ווייס איך וועגען דעם? אז איך האָב גאָר געווען פארגעסען, אז דאָס עקזיסטירט“.

.32

לעווין האָט שוין לאַנג באמערקט, אז אויב עס איז מאַנכע מאָל אונאנגע־נעהם, וואָס מענשען זיינען דיר צופיעל אונטערטהעניג און נאָכגעביג, וועלען זיי באלד ווערען אונערטרעגליך מיט זייערע פאָדערונגען און צובינדען זיך צו אלעס. ער האָט געפיהלט, אז דאָס וועט אויך טרעפען מיט'ן ברודער. און אין דער ווירקליכקייט האָט דעם ברודער'ס מילדקייט געדויערט ניט לאַנג. שוין אויף מאָר־גען איז ער געוואָרען אויפגעבראכט, און האָט זיך מיט אַ כיון געבונדען צום ברו־דער, אָנריהרענדיג דוקא זיינע קראנקסטע פלעצער.

לעווין האָט זיך געפיהלט שולדיג און האָט דאָס ניט געקענט פערריכטען. ער האָט געפיהלט, אז ווען זיי וואָלטען זיך ביידע ניט פארשטעלט און וואָלטען גערעדט דאָס וואָס זיי טראכטען און פיהלען, וואָלטען זיי מעהר ניט געקוקט איינער דעם אנדערן אין דיא אויגען, און קאָנסטאנטין וואָלט בלויז זאָגען: „דוא וועסט שטארבען, דוא וועסט שטארבען!“ און ניקאָלײַ וואָלט בלויז ענטפערן: „איך ווייס, אז איך וועל שטארבען, אָבער איך האָב מורא. איך האָב מורא!“ און ווייטער וואָלטען זיי מעהר וועגען קיין זאך ניט ריידען. אָבער אויף אזא'ן אופן

לעבען קאָן מען ניט און דערום האָט לעווין געזוכט צו טאָהן דאָס, וואָס ער האָט דעם גאַנצען לעבען געזוכט צו טאָהן און האָט ניט געקענט, און וואָס אַנדערע האָבען אַזוי גוט געקאָנט טאָהן, ווארום אָהן דעם קאָן מען ניט לעבען. ער האָט געזוכט צו ריידען ניט דאָס וואָס ער האָט געטראַכט און ער האָט דיא גאַנצע צייט געפיהלט, אַז דאָס קומט אַרויס פאַלש, אַז זיין ברודער כאַפּט איהם איין דער דאָזיגער פאַלשקייט און ווערט דערפון אויפגערייצט.

אויף דעם דריטען טאָג האָט ניקאָלאַי געלאָזט רופען דעם ברודער און האָט איהם ווידער געזאָגט זיינע פּלענער און האָט ניט נור אָנגעהויבען צו אורטהיילען איהם, נור האָט מיט אַ כיון אָנגעהויבען צו פערמישען איהם מיט קאָמוניזם.

— דוא האָסט בלויז גענומען אַ פרעמדען געדאַנק, האָסט איהם צוקאַלעטשעט און ווילסט איהם אָנפּאַסען דאָרט וואו ער קאָן ניט אָנגעפּאַסט ווערען.

— אָבער איך זאָג דיר דאָך, אַז דאָס האָט גאָר קיין געמיינשאַפטליכעס ניט. זיי לייקענען דאָך אָב דיא גערעכטיגקייט פון אייגענטהום, פון קאַפּיטאַל, פון ירושה, און איך לייקען ניט אָב דיא הויפּט טריב־קראַפט און וויל בלויז רעגולירען דיא אַרבייט.

— דאָס איז דאָך עס, דוא האָסט גענומען אַ פרעמדען געדאַנק, האָסט פון איהם אַראָבגעשניטען אַלעס, פון וואָס עס בעשטעהט זיין קראַפט, און דוא ווילסט איינשמועסען, אַז דאָס איז עפּעס נייעס — האָט געזאָגט ניקאָלאַי, צופּענדיג מיט כעס זיין האַלזטוך.

— אַז מיין געדאַנק האָט אָבער קיין געמיינשאַפטליכעס...

— דאָרט, דאָרט ווייניגסטען — האָט געזאָגט ניקאָלאַי שטעכיג און בייז גלעצענדיג מיט דיא אויגען — דאָרט איז ווייניגסטען פאַראַן פּראַכט, אַזוי צו זאָגען געאָמעטרישע פּראַכט, קלאָהרקייט, קיין צווייפעלהאַפטעס. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אַן אוטאָפּיע. נו, לאָמיר אָננעהמען, אַז מען קאָן פון דער גאַנצער פערגאַנגענהייט מאַכען טאַבולאַ ראַזאַ: אויס אייגענטהום, אויס פאַמיליע, דאַן וועט זיך דיא אַרבייט איינריכטען. אָבער ביי דיר איז דאָך גאָר קיין זאַך ניטאָ....

— צו וואָס אָבער צומישט דוא? איך בין קיין מאָהל ניט געוועזן קיין קאָמוניסט.

— און איך בין געוועזן און אַנערקען, אַז דאָס איז צו פריהצייטיג, אָבער עס איז פערנינפטיג און האָט אַ צוקונפט, וויא דאָס קריסטענטהום אין דיא ערשטע יאָהרהונדערטע.

— איך נעהם בלויז אָן, אַז דיא אַרבייטס־קראַפט דאַרף בעטראַכט ווערען פון נאַטורוויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, דאָס הייסט, אויספאָרשען זיא, אויסגעפינען איהרע אייגענשאַפטען און....

— דאָס איז לחלוטין אומזיסט. דיא דאָזיגע קראַפט געפינט אַליין פאַר זיך געוויסע פאָרמען פון טהעטיגקייט לויט דיא שטופען פון איהר ענטוויקלונג. ביי אונז ענטוויקעלט זיך דאָס אויך אַזוי וויא אומעטום — וואָס־זשע זוכסט דוא?

לעווין האָט פּלוצלונג צוהיצט זיך ביי דיא דאָזיגע ווערטער, ווארום אין הארצען האָט ער מורא געהאַט טאָמער איז דאָס אַן אמת, — אַן אמת, אַז ער האָט געוואָלט באַלאַנסירען צווישען קאָמוניזמוס און בעשטימטע פאָרמען פון

אייגענטהום — און פיעלייכט איז דאס טאקע ניט מעגליך.

— איך זוך מיטלען צו ארבייטען פרוכטבאר פון מיינטוועגען און פון דעם ארבייטער וועגען. איך וויל איינריכטען... — האט ער געענטפערט היציג.

— קיין זאך ווילסט דוא ניט איינריכטען; דאס איז איינפאך, דוא האסט דעם גאנצען לעבען אזוי געלעבט, ווילסט אלץ זיין אריגינעל, ווילסט ווייזען, אז דוא עקספלואטירסט ניט פשוט דיא פויערים, נור עקספלואטירסט מיט אן אידעע.

— נו, אזוי מיינסט דוא, און הער אויף וועגען דעם! — האט געענטפערט לעווין און האט געפיהלט אז א מוסקעל פון זיין לינקער באק שפרינגט.

— דוא האסט ניט געהאט קיין מאהל און האסט איצט ניט קיינע איבערציינגונגען; דוא דארפסט נור קיצלען דיין אייגען־ליעבע.

— נו, זאל זיין אזוי, לאז מיך צורות!

— וועל איך דיך צורות לאזען. שוין לאנג צייט געוועזן, און געה דיר צום טייפעל! עס פערדריסט מיך נור, וואס איך בין אהער געקומען.

וויא לעווין האט דערנאך ניט געזוכט צו בערוהיגען דעם ברודער, האט ניקאלאי קיין זאך ניט געוואלט הערען און פון קיין זאך ניט וויסען; ער האט אלץ גע'טענה'ט, אז דאס בעכטע איז צו צוגעהן זיך, און קאנסטאנטין האט געזעהען, אז פאר זיין ברודער איז איינפאך אונערטרעגליך געווארען דאס לעבען.

ניקאלאי האט זיך שוין אין גאנצען פארטיג געמאכט צו פאהרען, ווען קאנסטאנטין איז ווידער געקומען צו איהם און האט איהם אונגאטירליך געבעטען אום פערציייהונג, אויב ער האט איהם מיט וואס ניט איז בעליידיגט.

— א, גרויסמוטה! — האט געזאגט ניקאלאי און האט א שמייכעל געטאהן — אויב דוא ווילסט זיין ביי זיך גערעכט, קאן איך דיר טאהן דעם פארגעניגען. דוא ביסט גערעכט. און איך וועל פון דעסטוועגען דא ניט בלייבען, איך פאהר אוועק!

בלויז פאר'ן סאמע פאהרען האט זיך ניקאלאי מיט איהם צוקושט און האט געזאגט פלוצלונג זאנדערבאר ערנסט א קוק טאהנ'דיג אויפ'ן ברודער:

— פון דעסטוועגען דערמאן מיך ניט צו שלעכטען, קאסטיא! — און זיין שטימע האט א ציטער געטאהן.

דאס זיינען געווען דיא איינציגע ווערטער וואס זיינען ארויסגעזאגט געווארען אויפריכטיג. לעווין האט פערשטאנען אז אין דיא דאזיגע ווערטער איז בעהאלטען: „דיא זעהסט און ווייסט, אז מיט מיר איז שלעכט, און עס קאן זיין אז מיר וועלען זיך שוין מעהר ניט זעהען“. לעווין האט דאס פערשטאנען און טרעהרען האבען א שטראם געטאהן פון זיינע אויגען. ער האט נאך אמאל א קוש געטאהן דעם ברודער, ער האט אבער ניט געוואוסט וואס און וויא צו זאגען און האט גארגישט ניט געקאנט זאגען דעם ברודער.

אויף דעם דריטען טאג נאך דעם ברודער'ס אברייזע, איז לעווין אבגעפאהרען קיין אויסלאנד. אויפ'ן אייזענבאהן האט ער זיך בעגעגענט מיט איינעם פון דיא טשינאווניקעס, קיטים א שוועסטערקינד, און יענער האט זיך פערוואונדערט אויף לעווינ'ס פערטרויערטען אויסזעהען.

— וואס איז מיט דיר? — האט איהם שטשערבאצקי א פרעג געטאהן.

אננא קארענינא

— גארנישט, אזוי, עס איז ווייניג פאראן פון וואס צו פרעהען זיך אויף דער וועלט.

— וואס הייסט ווייניג? אדרבה, פאהר מיט מיר קיין פאריז, וועסט דוא זעהן וויא פרעהלאך.

— ניין, איך האב שוין געענדיגט, מיר איז שוין צייט צו שטארבען.

— דאס איז אן איינפאל, בנאמנות! — האט זיך צולאכט שטשערבאצקי —איך קלייב זיך ערשט צו אנצוהויבען.

— איך האב אליין אויך אזוי געמיינט ניט לאנג. אבער איצט וויים איך אז איך שטארב.

לעווין האט ווירקליך געזאגט וואס ער האט געטראכט אין דער לעצטער צייט. ער האט אין אלעם געזעהען דעם טויט. א מין פינסטערקייט האט פאר איהם פארדעקט אלעס. אבער טאקע מחמת דער דאזיגער פינכטערקייט האט ער זיך נאך שטארקער אנגעכאפט פאר דער אויסארבייטונג פון זיין פלאן, אלס דעם איינציגען ריכט־שנור וואס איז איהם געבליבען אין לעבען און ער האט זיך גע־האלטען פאר איהם מיט אלע קרעפטען.

---

# א נ נ א  ק א ר ע נ י נ א

## פינפטער טהייל

### 1.

דיא קארענינס, מאן און פרוי, האבען פארטגעזעצט צו לעבען אין איין הויז, האבען זיך בעגעגענט יעדען טאג, אבער זיינען געווען פאלשטענדיג פרעמד איינער צום צווייטען. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך געמאכט א רעגעל, יעדען טאג צו זעהען זיך מיט זיין פרוי, כדי דיא דיענערשאפט זאל ניט האבען קיין רעכט צו מאכען השערות, אבער ער האט געזועהן אויסצומיידען צו עסען מיטאגס אין דערהיים. ווראנסקי איז קיינמאל ניט אריינגעקומען אין אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס הויז, אבער אננא פלעגט זיך זעהען מיט איהם אויסערן הויז און אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט דאס געוואוסט.

דאס איז געווען א מאטערנעס פאר אלע דריי, און קיין איינער פון זיי וואלט ניט געווען אים שטאנד אפילו קיין איין טאג דורכצולעבען אין אזא לאגע, אויב ער וואלט ניט ערווארט אז דאס וועט זיך בייטען און אז דאס איז בלויז אויף א ווײלע א שווערע לאגע, וועלכע וועט פערבייגעהן. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט געווארט, אז דיא דאזיגע ליידענשאפט וועט אריבער אזוי וויא אלעס געהט אריבער, אז אלע וועלען וועגען דעם פארגעסען און זיין נאמען וועט בלייבען אונפערפלעקט. אננא, פון וועמען דיא דאזיגע לאגע איז אבגעהאנגען און פאר וועמען דיא לאגע איז געווען א גרעסערע אבקומענעס וויא פאר אלעמען, האט עס אריבערגעטראגען, ווייל זיא האט ניט נור ערווארט נור איז מיט פעסטקייט געווען זיכער, אז דאס אלעס וועט אין גיכען זיך אויספלאנטערן און עס וועט אלעס ווערען קלאהר און ערקלעהרט.

זיא האט בעשטימט ניט געוואוסט וויא אזוי דיא פערפלאנטערטע לאגע וועט זיך אויספלאנטערען, אבער זיא איז געווען זיכערליך פעסט, אז דאס עפּעס וועט קומען, וואס וועט לייזען דיא גאנצע זאך און אז דאס עפּעס וועט קומען באלד, זעהר גיך. ווראנסקי, וועלכער איז אונווייליג געווען אונטער איהר איינפלוס האט אויך ערווארט עפּעס אזעלכעס וואס איז ניט אבהענגיג פון איהם, וואס עס וועט לייזען אלע שווערינקייטען.

אין מיטען ווינטער האט ווראנסקי פערבראכט איין וואך זעהר לאנגווייליג. מען האט איהם קאמאנדירט צו זיין א שטענדיגער בעגלייטער פון אן אויסלענדישען פרינץ, וועלכער האט בעזוכט פעטערסבורג און ער האט איהם געדארפט וויזען דיא בעריהמטעסטע זאכען פון פעטערסבורג. מען האט ווראנסקין צוגע־

שטעלט צו דעם פּרינץ דערפאַר, ווייל ער איז אַליין געווען פון אַ רעספּעקטאַבלען אויסזעהען; אויסער דעם האָט ער געהאַט דיא פעהיגקייט צו האַלטען זיך מיט ווירדע און העפליכקייט און דערצו איז ער געווען שוין געניט וויא צו פערהאַלטען זיך צו אַזעלכע פּערזאָנען. אָבער זיין פפליכט האָט איהם אויסגעזעהען זעהר שווער. דער פּרינץ האָט ניט געוואָלט דורכלאָזען קיין זאַך, וועגען וואָס מען קאָן איהם אין דערהיים אַ פרעג טאָהן: האָט ער דאָס געזעהען אין רוסלאַנד; און דערצו האָט ער זיך אַליין געוואָלט בענוצען אויף וויפיעל מעגליך מיט דער געלעגענהייט און הנאה האָבען פון רוסישע פערגעניגענס.

ווראָנסקי האָט געדאַרפט זיין זיין פיהרער איןביידע זאַכען. אין־דערפריה פלעגען זיי פאָהרען בעקוקען בעריהמטע פלעצער און אבענדס פלעגען זיי זיך בעטהייליגען אין נאַציאָנאַלע תענוגים. דער פּרינץ האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אויסערגעוועהנליכען געזונד אפילו צווישען פּרינצען; דורך גימנאַסטיק און דורך גוט פפלעגען זיין קערפּער האָט ער אין זיך ענטוויקעלט אַזאַ קראַפט, אַז ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט געברויכט פערגעניגענס איבער דער מאָס, איז ער פון דעסטוועגען געווען פריש וויא אַ גרויסע, גרינע, גלאַנציגע האָלענדישע אוגערקע.

דער פּרינץ האָט פיעל גערייזט און האָט אויסגעפונען, אַז איינע פון דיא הויפט בעקוועמליכקייטען פון דיא איצטיגע לייכטע רייזע־מיטלען איז דיא מעגליכקייט פון נאַציאָנאַלע פערגניגענס. ער האָט בעזוכט שפּאַניען און האָט דאָרט פּעראַנשטאַלטעט סערענאַדאַס און געשלאָסען נאָהענטע בעקאַנטשאַפט מיט אַ שפּאַניאַלקע, וואָס האָט געשפּיעלט מאַנדאַלין. אין דער שווייץ האָט ער דערשאָסען אַ געמזא. אין ענגלאַנד האָט ער זיך געיאָגט אויף רייסעס, געשפּרונגען רייטענדיג אין אַ רויטען פראַק איבער פּאַרקאַנס און האָט אין אַ וועטע אויסגעשאָסען 200 פאַזאַנען; אין טערקיי האָט ער בעזוכט דעם האַרעם; אין אינדיען איז ער געפאָהרען אויף אַן עלפאַנט, און איצט אין רוסלאַנד האָט ער געוואָלט געניסען ספּעציעלע רוסישע תענוגים.

ווראָנסקי האָט געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע, אַלס זיין הויפט צערעמאָניעמייסטער, וויא איינצוטהיילען דיא פערשיעדענע פערגעניגענס, וועלכע פערשיעדענע פּערזאָנען האָבען דעם פּרינץ פאָרגעשלאָגען אַלס רוסישע תענוגים. פאָהרען אויף טראָיקעס, בלינעס, בערען־יאַגד, ציגיינער און שיכורייי מיט ברעכען געשיער אויפ'ן רוסישען אופן. און דער פּרינץ האָט זיך זעהר לייכט צוגעפּאַסט דעם רוסישען גייסט, האָט צושמעטערט געשיער, האָט אוועקגעזעצט צו זיך אויפ'ן שויס ציגיינערקעס און האָט אַלץ געפרעגט, וואָס נאָך, אָדער בלויז דעריין דריקט זיך אויס דער רוסישער גייסט.

אין אמת'ן גערעדט זיינען פון אַלע רוסישע פערגעניגונגען דעם פּרינץ מעהר פון אַלעם געפעלען געווען פראַנצויזישע אַקטריסעס, באַלעטנע טענצערינס און שאַמפּאַניער מיט ווייסען זיעגעל. ווראָנסקי איז געווען געוועהנט צו פּרינצען; נור דיא דאָזיגע וואָך מיט'ן אויסלענדישען פּרינץ האָט איהם אויסגעוויזען בעזונדער שווער אריבערצוטראָגען, צו דערפאַר ווייל ער אַליין האָט זיך געענדערט אין דער לעצטער צייט אָדער דערפאַר, ווייל צו דעם פּרינץ איז איהם אויסגעקומען

צ׳ זיין צו נאָהענט. דיא גאַנצע וואָך האָט ער געפיהלט, וויא עס וואָלט פיהלען א מענש, וועלכען מען וואָלט אַוועקשטעלען צו זיין שטענדיג מיט א געפעהרליכען משוגע׳נעם, און דאָ איז דיא מורא פאַר דעם משוגענעם און דיא מורא אין דערזעלבער צייט אַליין ניט משוגע צו ווערען פון זיין שטענדיג מיט א משוגענעם. דיא מאַניערען, וויא דער פּרינץ האָט זיך פערהאַלטען מיט דיעזעלביגע פערזאָנען, וועלכע זיינען געקראָכען פון דער הויט צו־צושטעלען איהם רוסישע פערגעניגענס, זיינען פאָרגעקומען פאַר וורענסקין עקעלהאפט. זיינע רייד וועגען רוסישע פרויען, וועלכע ער האָט געוואָלט אויסשטודירען, האָבען ניט איין מאָהל אויפגעבראַכט וורענסקין און ער פלעגט רויט ווערען פון עמפּפעהרונג.

דיא הויפּט אורזאַכע אָבער, פאַר וואָס וורענסקי האָט ניט געקאָנט פערטראָגען דעם פּרינץ, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט ווילענדיג אין איהם דערזעהען זיך גופא. און דאָס וואָס ער האָט דערזעהען אין דעם שפּיגעל האָט איהם געגעבען ווייניג כבוד פאַר זיך אַליין. דאָס איז געווען א זעהר נאַרישער, זעהר זעלבסטצופריעדענער און זעהר געזונדער און זעהר ריין־קערפּערדיגער מענש און ווייטער נישט. ער איז געווען א דזשענטלמען — דאָס איז אמת און וורענסקי האָט דאָס ניט געקאָנט לייקענען. ער האָט זיך געהאַלטען אונאבהענגיג און גלייך מיט העכערע, איז געווען פריי און איינפאַך אין זיין האַלטונג מיט גלייכע צו איהם און האָט זיך פערהאַלטען גרויסמוטהיג פעראַכטענד צו קלענער פון איהם. וורענסקי אַליין איז אויך גוועז אזא און האָט דאָס געהאַלטען פאַר גרויסע מעלות; אָבער אין בעצוג צו דעם פּרינץ איז ער געווען א קלענערער און איהם האָט עמפּעהרט אזא פעראַכטענד גרויסמוטהיגע האַלטונג.

„א דומעם שטיק פלייש! בין איך אויך אזא?“ האָט ער זיך געטראַכט.

וויא דיא געשיכטע זאָל ניט זיין נור וורענסקי האָט זיך געפיהלט גליקליך אויף דעם זיבעטען טאָג, ווען דער פּרינץ האָט פון איהם גענומען אבשיעד און געדאַנקט פאַר אַלעס, גליקליך וואָס ער איז פּטור געוואָרען פון דעם אונאַנגענעהמען שפּיעגעל. ער האָט זיך מיט איהם געזעגענט אויף דער סטאַנציע פון אייזענבאַהן, ווען זיי האָבען זיך צוריק־געקעהרט פון בערען־יאַגד, וואו א גאַנצע נאַכט איז פאַר זיי פאָרגעקומען א פאָרשטעלונג פון רוסישער בריה׳שקייט.

2.

ווען ער איז געקומען אהיים האָט וורענסקי געפונען א צעטעלע פון אננאַן. זיא האָט געשריבען: „איך בין קראַנק און אונגליקליך. איך קאָן ניט אויספאָהרען, אָבער איך קאָן ניט בלייבען ווייטער אזוי ניט צו זעהען אייך. קומט צופאָהרען אין אבענד. זיבען אוהר פאָהרט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויף א געשעפט־זיצונג און וועט בלייבען ביז צעהן“. א טראַכט טאָהנ׳דיג וועגען דער זאָנדערבאַרקייט וואָס זיא רופט איהם גלייך צו זיך אין הויז, ניט קוקענדיג אויף דער פאָדערונג

פון דעם מאַן ניט אויפצונעהמען איהם, האָט ער בעשלאָסען אַז ער וועט פאָהרען.

ווראָנסקי איז אין דעם ווינטער ערהויבען געוואָרען צו דעם ראַנג פון פּאָלקאָווניק; ער האָט רעזיגנירט פון זיין רעגימענט און האָט געוואָהנט אַליין פאַר זיך. ער האָט אָבגעגעסען פריהשטיק, האָט זיך אוועקגעלייגט אויפ'ן דיוואַן, און נאָך אַ ווייל'ע צומישטע געדאַנקען וועגען אננאַ און וועגען דער ביינאַכטיגער בערען־יאַגד איז ער איינגעשלאָפען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פינסטער, ציטערענדיג פון שרעק און האָט אויף גיך אָנגעצונדען אַ ליכט. „וואָס איז דאָס? וואָס? וואָס פאַר אַ שרעקליכעס בילד האָב איך דאָס געזעהען אין חלום? יאַ, יאַ. דער פויער, דער פיהרער אין דער בערען־יאַגד, דוכט זיך, אַ קליינינקער, אַ שמוציגער, מיט אַ צושויבערטען בערדעל, האָט אָנגעהויבען ריידען אויף פראַנצויזיש עפּעס אַזעלכע משונה'דיגע ווערטער. יאַ, מעהר איז קיין זאַך ניט פאָרגעקומען אין חלום —האָט ער זיך געזאָגט — אָבער פאַרוואָס איז דאָס עפּעס געווען אַזוי שרעקליך?“ ער האָט זיך באַלד ווידער לעבעדיג דערמאָנט וועגען דעם פויער איז וועגען דיא אונפערשטענדליכע פראַנצויזישע ווערטער, וועלכע דער דאָזיגער פויער האָט ארויסגערעדט און אַ שוידער איז איהם איבערגעלאָפען איבער'ן רוקען.

— וועלכע דומהייטען!“ האָט אַ טראַכט געטאָהן ווראָנסקי און האָט אַ קוק געטאָהן אויפ'ן זייגער.

עס איז שוין געווען האַלב ניין. ער האָט אַ קלונג געטאָהן, דער דינער האָט איהם געהאָלפען שנעל אָנטאָהן זיך און ער איז ארויס אויפ'ן גאַניק, אין גאַנצען פאַרגעסענדיג וועגען חלום און זייענדיג אין פערדרוס בלויז פון דעם וואָס ער האָט זיך פערשפּעטיגט. צופאָהרענדיג צו קאַרענינס הויז, האָט ער אַ קוק געטאָהן אויפ'ן זייגער און דערזעהען, אַז עס איז שוין צעהן מינוט צו נייען. אַ הויכע, שמאָלע קאַרעטע, געשפּאַנט מיט אַ פּאָאַר גרויע פערד איז געשטאַנען ביים צופאָהר.

ער האָט דערקענט אַז דאָס איז אננאַ'ס קאַרעטע. „זיא פאָהרט צו מיר— האָט אַ טראַכט געטאָהן ווראָנסקי — און דאָס וואָלט טאַקע געווען בעסער. מיר איז אונאַנגענעהם אריינצוגעהן אין דעם דאָזיגען הויז. אָבער גאַנץ עגאַל, איך האָב פיינד צו בעהאַלטען זיך“ — האָט ער זיך געזאָגט און ווראָנסקי איז ארויס פון שליטען און איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר. דיא טהיר האָט זיך געעפענט און דער שווייצאַר מיט אַ פּלעד אין האַנד האָט געהייסען צופאָהרען דיא קאַרעטע. ווראָנסקי איז ניט געוועהנט געווען צו בעאָבאַכטען קלייניגקייטען, ער האָט אָבער איצט באַמערקט דעם אויסדרוק פון פערוואונדערונג אויף דעם פּנים פון שווייצאַר, ווען ער האָט איהם דערזעהען. ביי דער סאַמע טהיר האָט ווראָנסקי זיך כמעט אָנגעשטויסען אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. דיא גאַז־לאַנטערנע האָט בעלויכטען דעם בלוטלאָזען, פאַרעלטערטען פּנים אונטער דעם שוואַרצען צילינדער און דעם ווייסען האַלזטוך, וואָס האָט זיך ארויסגעזעהען פון צווישען דיא באָבראָווע לאַצען פון פוטער. קאַרענינס אונבעוועגליכע אויגען אָהן גלאַנץ האָבען זיך אויסגעשטעלט אויף ווראָנסקין. ווראנסקי האָט זיך פערנייגט און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט עפּעס וויא אַ קיי געטאָהן מיט'ן מויל, האָט אויפגעהויבען דיא האַנד צום הוט און איז פערבייגעגאַנגען. ווראָנסקי האָט געזעהען וויא ער האָט זיך אריינגעזעצט אין קאַרעטע, ניט ארומקוקענדיג זיך, האָט אריינגענומען אין

פענסטער פון קארעטע דעם פלעד און דעם דערלאנגטען בינאָקל און דיא קארעטע איז אָבגעפאָהרען. ווראָנסקי איז אריינגעגאנגען אין פאָדערצימער. זיינע ברעמען זיינען געווען אָנגעוואָלקענט און דיא אויגען האָבען געבליצט מיט כעס און מיט א שטאָלצען גלאנץ.

„אָט איז א לאגע! — האָט ער א טראכט געטאָהן — ווען ער וואָלט גע־גאנגען אויף א קאמפף, וואָלט פערטהיידיגט זיין עהרע, וואָלט איך געקאָנט האנד־לען, וואָלט געקאָנט אויסדריקען מיינע געפיהלען; אָבער אזוי, דיא דאָזיגע שוואכ־קייט אָדער געמיינהייט.... ער שטעלט מיך אוועק אין דער לאגע פון אן אָבנארער, אין דער צייט ווען איך וויל ניט און קאָן ניט זיין אזא.“

זינט ער האָט געהאט דיא איבעררייִדונג מיט אננא אין ורעדעס גארטען האָבען זיך ווראנסקיס געדאנקען געענדערט. ער האָט שוין לאנג אויפגעהערט דיינקען, אז זייער פערבינדונג זאָל זיך ענדיגען אזוי וויא ער האָט דאן געטראכט. זיינע זעלבסטזיכטיגע פלענער האָבען ווידער אָבגעטראָטען אין הינטערגרונד און ער האָט זיך אלץ מעהר און מעהר איבערגעבען זיין געפיהל צו איהר און דאָס דאָזיגע געפיהל האָט איהם אלץ שטארקער און שטארקער צוגעבונדען צו איהר.

זייענדיג נאָך אין פאָדערצימער האָט ער דערהערט איהרע טריט און האָט פערשטאנען אז זיא האָט געווארט אויף איהם און האָט זיך איצט צוריקגעקעהרט אין זאאל.

— ניין! — האָט זיא אויסגעשריען ווען זיא האָט איהם דערזעהען — ניין, אויב דאָס וועט ווייטער אזוי זיך ציהען וועט דאָס פאסירען נאָך פיעל, פיעל פריהער — און טרעהרען האָבען א שטראָם געטאָהן פון איהרע אויגען.

— וואָס איז, מיין פריינד?

— וואָס? איך ווארט, פייניג זיך, מאטער זיך, א שטונדע, צוויי... ניין, איך קאָן ניט! איך קאָן ניט קריגען זיך מיט דיר!

זיא האָט ארויפגעלייגטביידע הענד אויף זיינע אקסלען און האָט לאנג, לאנג געקוקט אויף איהם מיט א טיעפען, געהויבענעם און אין דערזעלבער צייט דורכדרינגליך פרופענדען בליק. זיא האָט אויסגעפאָרשט זיין פנים פאר דער צייט וואָס זיא האָט איהם געזעהען. ביי יעדער מאָהל זעהען זיך מיט איהם האָט זיא געמאכט א פערגלייך פון דעם, וויא זיא שטעלט זיך איהם אימער פאָר אין איהר פאנטאזיע און וויא ער איז אין דער ווירקליכקייט.

## 3.

— דוא האָסט איהם בעגעגענט? — האָט זיא א פרעג געטאָהן, ווען זיי האָבען זיך געזעצט ביים טיש — דאָס איז דיין שטראף פאר וואָס דוא האָסט זיך פארשפעטיגט.

— יא, אָבער וויא אזוי? ער האָט דאָך גאָר געדארפט זיין אויף א געשעפט־זיצונג?

— ער איז געוועזן און האָט זיך צוריקגעקעהרט, און איז ווידער געפאָהרען ערגעץ. אָבער דאָס איז גאָרנישט, רייד וועגען דעם ניט. וואו ביסט דו געווען? אַלץ נאָך מיט דעם פּרינץ?

זיא האָט געוואוכט אַלע איינצעלהייטען פון זיין לעבען. ער האָט געוואָלט זאָגען, אז ער האָט ניט געשלאָפען דיא גאַנצע נאַכט און איז דארום איינגעשלאָפען, אָבער קוקענדיג אין איהר ציטראָגענעם און גליקליכען פּנים, איז איהם געוואָרען שווער אַזוינס צו זאָגען. און ער האָט געזאָגט, אז ער האָט געמוזט פאָהרען אָב־געבען רעפּאָרט וועגען דעם פּרינץ'ס אָבפאָהרען.

— אָבער איצט איז געענדיגט? ער איז אוועקגעפאָהרען?

— דאַנקען גאָט, געענדיגט. דו וועסט ניט גלויבען וויא אונערטרעגליך דאָס איז געווען פאַר מיר.

— פאַר וואָס? דאָס איז דאָך דאָס שטענדיגע לעבען פון אייערע יונגע מענער — האָט זיא געזאָגט מיט אָנגעשטעלטע ברעמען און האָט זיך גענומען פאַר דער האַפּט־ארבייט וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש.

— איך האָב שוין לאַנג אוועקגעוואָרפען אַזאַ לעבען — האָט ער געזאָגט וואונדערענדיג זיך פון דער ענדערונג אין דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט — און איך בין זיך מודה, אז אין דער דאָזיגער וואָך האָב איך וויא אין אַ שפּיעגעל זיך בעקוקט, קוקענדיג אויף דעם מין לעבען, און מיר איז געווען זעהר אונאַנגענעהם.

זיא האָט געהאַלטען דיא האַפּט־ארבייט אין דיא הענד, נור האָט ניט גע־ארבייט און האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ זאָנדערבארען, גלאַנציגען און ניט פריינדליכען בליק.

— היינט אין דער פריה האָט מיך ליזא בעזוכט; זיי האָבען נאָך קיין מורא ניט צו בעזוכען מיך, ניט קוקענדיג אויף גרעפין לידיא איוואַנאָוונא; און זיא האָט מיר דערצעהלט וועגען אייער אַטהענישען אבענד. וויא עקעלהאַפט!

— איך האָב אָבער בלויז געוואָלט זאָגען....

זיא האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— דאָס איז דאָרט געווען דאָך דיזעלבע טהערעזא, וועלכע דו האָסט פריהער געקענט?

— איך האָב געוואָלט זאָגען...

— וויא אבשטויסענד איהר, מענער, זייט! וויא קאָנט איהר דאָס זיך ניט פאָרשטעלען, אז אַ פרויענצימער קאָן דאָס קיין מאָל ניט פאַרגעסען — האָט זיא געזאָגט היצענדיג זיך אַלץ מעהר און מעהר און צייגענדיג איהם דערמיט דיא אורזאַכע פון איהר אויפרעגונג — בעזאָנדערנס קאָן דאָס ניט פאַרגעסען אַ פרוי, וועלכע קאָן ניט וויסען דיין לעבען. וואָס ווייס איך? וואָס האָב איך געקאָנט וויסען? — האָט זיא געזאָגט — בלויז דאָס, וואָס דו זאָלסט מיר דערצעהלען. און פון וואַנען קאָן איך וויסען צו דו זאָגסט מיר אַן אמת?....

— אננא! דו בעליידיגסט מיך. גלויבסט דו מיר דען ניט? האָב איך דיר דען ניט געזאָגט, אז איך האָב קיין געדאַנק ניט, וועלכען איך זאָל פאַרהיימליכען פון דיר?

— יא, יא — האָט זיא געזאָגט, וועלענדיג קענטיג אָבטרייבען פון זיך

דיא אייפערזיכטיגע געדאנקען — אַבער ווען דוא וואָלסט וויסען וויא שווער מיר איז!... איך גלויב דיר... איז וואָס האָסט דוא געזאָגט?

אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט מיט אַ מאָל דערמאָנען, וואָס ער האָט פריהער געוואָלט זאָגען. דיא דאָזיגע אַנפּעלע פון אייפערזוכט וואָס האָבען אין דער לעצטער צייט אַלץ אָפטער און אָפטער זיך געוויזען אין איהר, האָבען איהם געשראָקען, און וויא ער האָט ניט געזוכט דאָס צו בעהאַלטען, האָבען איהם גראד אָט די אנפּעלע פון אייפערזוכט קעלטער געמאַכט צו איהר, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט געוואוסט, אַז דיא אורזאַכע פון אירער אייפערזוכט איז איהר ליעבע צו איהם.

וויפיעל מאָל האָט ער זיך געזאָגט, אַז איהר ליעבע איז זיין גליק, און אָט האָט זיא איהם ליעב בעקומען, וויא עס קאָן ליעבען אַ פרויענצימער, פאַר וועלכער ליעבע איבערוועגט אַלע תענוגים פון לעבען — און ער איז געווען פיעל ווייטער איצט פון גליק איידער דאַן ווען ער איז נאָך איהר נאכגעפאָהרען פון מאָסקווא. דעמאָלט האָט ער זיך גערעכענט אונגליקליך, אָבער דאָס גליק איז געווען פאָר־אויס; איצט אָבער האָט ער געפיהלט, אַז דאָס בעסטע גליק איז שוין געווען הינטער איהם. זיא איז שוין גאָר ניט געווען דיא, וויא ער האָט אירר געזעהען אין דער ערשטער צייט. זיא האָט זיך געענדערט אי גייסטיג אי פיזיש.

זיא האָט זיך געענדערט צום ערגערען. זיא איז אין גאַנצען ברייטלעך געוואָרען, און אין איהר פּנים איז געווען עפּעס בייזעס, וואָס האָט צוקרימט זיין שעהנעם אויסדרוק, ווען זיא האָט גערעדט וועגען דער אַקטריסע. ער האָט געקוקט אויף איהר, וויא אַ מענש קוקט אויף דעם בליהמעל וועלכען ער האָט אָבגעריסען און וועלכער ווערט פאַרוועלקט, און ער דערקענט קוים דיא שעהנקייט, פאַר וועל־כער ער האָט דעם דאָזיגען בליהמעל אָבגעריסען און חרוב געמאַכט.

און ניט קוקענדיג דערויף האָט ער געפיהלט, אַז דעמאָלט ווען דיא ליעבע איז געווען שטאַרקער האָט ער געקאָנט, אויב ער וואָלט דאָס שטאַרק געוואָלט, ארויסרייסען דיא דאָזיגע ליעבע פון זיין הארצען; אָבער איצט, הגם ער האָט גע־שפירט, וויא אין דער דאָזיגער מינוט, אַז ער פיהלט קיין ליעבע צו איהר ניט, האָט ער דאָך געוואוסט, אַז זייער פערבינדונג קאָן ניט צוריסען ווערען.

— נו, נו, איצט וואָס האָסט דוא געוועלט זאָגען? וואָס האָסט דוא מיר געוועלט דערצעהלען וועגען דעם פּרינץ? איך האָב שוין פעריאָגט, פעריאָגט דעם טייפעל — האָט זיא צוגעלייגט. אַלס טייפעל האָבען זייביידע בעצייכענט דעם געפיהל פון אייפערזוכט — יא, איז וואָס האָסט דוא אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען דעם פּרינץ? פאַר וואָס האָסט דוא אַזוי שווער געפיהלט דיא וואָך מיט איהם?

— אַך, אונערטרעגליך איז דאָס געווען! — האָט ער געזאָגט, זוכענדיג צו כאַפּען דעם פאַדים פון זיין פערלאָרענעם געדאַנק — דער פּרינץ געווינט וויי־ניג אין איינעם'ס אויגען, ווען מען בעקאָנט זיך מיט איהם נעהנטער. ווען מען זאָל וועלען איהם בעשטימען, איז דאָס אַ שעהן אָבגעפיטערטע חיה, פון דיא וועלכע בעקומען אויף אַן אויסשטעלונג דעם ערשטען פּרייז און ווייטער נישט — האָט ער געזאָגט מיט פערדרוס און האָט זיא פאַראינטערעסירט.

— ניין, וואָס הייסט? — האָט זיא איהם ווידערשפּראָכען — פון דעסט־

וועגען איז ער דאָך אַ געבילדעטער מאַן, האָט פיעלעס געזעהען.

— אַ, דאָס איז גאָר אַן אַנדער מין בילדונג — זייער בילדונג. עס איז קענטיג, אַז אַזאַ איז געבילדעט בלויז צוליעב דעם אַז ער זאָל האָבען דאָס רעכט צו פעראַכטען בילדונג, וויא ער פעראַכטעט אַלעס, אויסער טהיערישע תענוגים.

— יאָ, אָבער איהר האָט דאָך אַלע ליעב דיא דאָזיגע טהיערישע פערגע־ניגענדען — האָט זיא געזאָגט — און ער האָט ווידער בעמערקט דעם טרויעריג־בייזען בליק, וועלכען זיא האָט אָבגעקעהרט פון איהם.

— פאַרוואָס פאַרטהיידיגסט דוא איהם אַזוי? — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— איך פאַרטהיידיג ניט, מיר איז עס אין גאַנצען גלייכגילטיג; אָבער איך מיין, אַז ווען דוא אַליין וואָלסט ניט ליעב האָבען דיא דאָזיגע טהיערישע פערגעניגענס, וואָלסט דוא זיך געקאָנט אָבזאָגען. אָבער דוא האָסט דאָך פערגע־ניגען צו קוקען אויף טהערעזאַ אין חוה'ס קאָסטיום...

— ווידער, ווידער דער טייפעל! — האָט ער אָנגענומען איהר האַנד, וועלכע זיא האָט אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש און האָט זיא געקושט.

— יאָ, יאָ, אָבער איך קאָן ניט! דוא ווייסט ניט וויא אויסגעמאַטערט געוואָרען איך בין וואַרטענדיג אויף דיר! איך מיין, אַז איך בין גאַרניט אייפער־זיכטיג. איך בין ניט אייפערזיכטיג; איך גלויב דיר, ווען דוא ביסט דאָ, מיט מיר; אָבער ווען דוא פיהרסט דאָרט אַליין דיין לעבען וועלכער איז פאַר מיר אונפערשטענדליך...

זיא האָט זיך אָבגעווענדעט פון איהם, האָט ענדליך אַרויסגעפּלאָנטערט דעם העקעל פון דיא האַפט־שפּיצען און האָט נערוועז אָנגעהויבען העפטען אויגעל נאָך אויגעל.

— נו, וויא־זשע? וויא, וואו האָסט דוא בעגעגענט אַלעקסיי אַלעקסאַנד־ראָוויטש? — האָט פּלוצלונג אוננאַטירליך אָנגעהויבען קלינגען איהר שטימע.

— מיר האָבען זיך אָנגעשטויסען איינער אויף דעם אַנדערן אין טהיר.

— און ער האָט דיך געגריסט אַזוי?

זיא האָט אויסגעצויגען איהר פּנים, האָט האַלב צוגעמאַכט דיא אויגען, האָט צונויפגעלייגט דיא הענד, שנעל בייטענדיג דעם אויסדרוק פון געזיכט. אַז ווראָנסקי האָט אין איהר שעהנעם פּנים פּלוצלונג דערזעהען דעמזעלבען אויסדרוק, מיט וועלכען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט איהם געגריסט. ער האָט אַ שמיי־כעל געטאָהן, און זיא האָט זיך פרעהליך צולאַכט מיט יענעם ליעבליכען ברוסטי־גען געלעכטער, וואָס איז געווען איינע פון איהרע חנ'עוודיגע אייגענשאַפטען.

— איך הויב איהם ניט אָן צו פאַרשטעהן — האָט געזאָגט ווראָנסקי — ווען ער וואָלט נאָך דיין ערקלעהרונג אויף דער דאַטשע איבערגעריסען אַלע פער־בינדונגען מיט דיר, ווען ער וואָלט מיך אַרויסגערופען אויף אַ דועל, אָבער אַזוי, אַזוי פאַרשטעה איך איהם ניט: וויא קאָן ער איבערטראָגען אַזאַ לאַגע? ער ליידעט; דאָס זעהט מען.

— ער? — האָט זיא געזאָגט מיט אַ שמייכעל — ער איז פאַלשטענדיג צופריעדען.

— פאַרוואָס מאַטערען מיר זיך אַלע, ווען אַלעס האָט געקאָנט געהן אַזוי גוט?

— אַלע, אָבער ניט ער. קען איך איהם דען ניט? קען איך דען ניט איהם אַלס דיא פערקערפּערונג פון פאַלשקייט, ליגען, מיט וועלכע ער איז אין גאַנצען דורכגענומען?... קאָן דען אַ מענש, האָבענדיג דעם מינדעסטען געפיהל, לעבען אַזוי וויא ער לעבט מיט מיר? ער פאַרשטעהט גאָרנישט, ער פיהלט גאָרנישט. וואָלט דען אַ מענש מיט דיא מינדעסטע געפיהלען געקאָנט לעבען מיט זיין פאַר־ברעכערישער פרוי אין איין הויז? וואָלט ער דען געקאָנט ריידען מיט איהר? זאָ־גען איהר דוא?

און זיא האָט ווייטער אָנגעהויבען ווידער, גאָר ניט ווילענדיג, נאָכאַהמען וויא ער רעדט צו איהר: „דוא, מאַ שער, דוא, אננאַ!“

— ניין, דאָס איז ניט קיין מאַנספּערזאָן, דאָס איז ניט קיין מענש, דאָס איז אַ פּופּע. קיינער ווייס ניט, נור איך ווייס. אַ, ווען איך וואָלט געוועזן אויף זיין פּלאַץ, איך וואָלט שוין לאַנג ערמאָרדעט, איך וואָלט צוריסען אויף שטיקער דיא דאָזיגע פרוי, אַ פרוי וויא איך, און וואָלט ניט זאָגען: „דוא, מאַ שער, אננאַ!“ דאָס איז ניט קיין מענש, דאָס איז — אַ מיניסטאָרישע מאַשין. ער פאַרשטעהט ניט, אַז איך בין דיין פרוי, אַז ער איז אַ פרעמדער, אַז ער איז אַן איבעריגער... לאָמיר ניט ריידען... לאָמיר ניט ריידען וועגען דעם!...

— דוא ביסט ניט גערעכט, מיין פריינד! — האָט געזאָגט ווראָנסקי, זו־כענדיג צו בערוהיגען זיא — אָבער אַלץ איינס, לאָמיר וועגען איהם ניט ריידען. דערצעהל מיר בעסער וואָס האָסט דוא געטאָהן? — וואָס איז מיט דיר? וואָס איז דאָס פאַר אַ קראַנקהייט און וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

זיא האָט אויף איהם געקוקט מיט שפּאָטהאַפטע פרייד. קענטיג געוועזן אַז זיא האָט זיך דערמאָנט אויף נאָך קאָמישע און פערקריפּעלטע זייטען אין דעם מאַנ'ס כאַראַקטער און האָט נור געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט ארויסצוזאָגען זיי.

אָבער ער האָט פאָרטגעזעצט:

— איך וויל טרעפען, אַז דאָס איז ניט קיין קראַנקהייט, נור דיין לאַגע. ווען וועט דאָס געשעהען?

דער שפּאָטענדער גלאַנץ איז פערלאָשען געוואָרען אין איהרע אויגען, אָבער אַן אַנדער שמייכעל האָט פערביטען דעם פריהערדיגען אויסדרוק.

— באַלד, באַלד. דוא האָסט געזאָגט, אַז אונזער לאַגע איז אַן אָבקוי־מענעס, אַז מען דאַרף דאָס אָבפּלאַנטערן. אַך, ווען דוא וואָלסט וויסען וויא שווער דאָס איז פאַר מיר; וואָס וואָלט איך ניט געגעבען אַז איך זאָל קאָנען פריי און דרייסט דיך ליעבען! איך וואָלט זיך ניט געמאַטערט און וואָלט דיך ניט געמאַטערט מיט מיין אייפערזוכט... און דאָס וועט זיין באַלד, אָבער ניט אַזוי וויא מיר טראַכטען.

און ביי דעם געדאַנק, וויא עס וועט מיט זיי זיין, האָט זיא אויף זיך אַליין אַזוי רחמנות בעקומען, אַז טרעהרען האָבען זיך איהר געוויזען אין דיא אויגען און זיא האָט ניט געקאָנט פאָרטזעצען. זיא האָט אַוועקגעלייגט איהר גלאַנצענדע האַנד פון ווייסקייט און פון דיא רינגען אויף זיין אַרבעל.

— דאָס וועט ניט זיין אזוי וויא מיר דיינקען. איך האָב דאָס דיר ניט געוואָלט זאָגען, אָבער דוא האָסט דאָס ארויסגערופען מיך צו זאָגען דיר. באלד, באלד וועט אלעס זיך לייזען, און מיר וועלען זיך אלע, אלע בערוהיגען און וועלען מעהר ניט אָבקומען אזוי.

— איך פארשטעה ניט — האָט ער געזאָגט, און האָט יא פערשטאַנען.

— דוא האָסט געפרעגט — ווען? באלד. און איך וועל דאָס ניט איבערלעבען. שלאָג מיר ניט איבער! — און זיא האָט מיט אימפעט אָנגעהויבען— איך וויים דאָס און וויים אויף זיכער. איך וועל שטארבען, און איך בין זעהר גערן וואָס איך וועל שטארבען און וועל זיך בעפרייען און אייך בעפרייען.

טרעהרען האָבען א שטראָם געטאָהן פון איהרע אויגען; ער האָט זיך אָנגעבויגען צו איהר האנד און האָט אָנגעהויבען צו קושען, זוכענדיג צו בעהאלטען זיין צוטראָגענהייט, וועלכע האָט פאר איהם קיין גרונד געהאַט, נור וועלכע ער האָט ניט געקאָנט איבערוועלטיגען.

— אזוי, אזוי, דאָס איז בעסער, מיין פריינד — האָט זיא געדריקט מיט א שטארקער בעוועגונג זיין האנד — דאָס איז דאָס איינציגע, דאָס איינציגע וואָס איז אונז געבליבען.

ער האָט זיך דערמאָנט און האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— וואָס פאר א דומהייטען! וואָס פאר אונזיניגע נארישקייטען דוא רעדסט!

— ניין, דאָס איז אמת.

— וואָס, וואָס איז אמת?

— אז איך וועל שטארבען. איך האָב געזעהען א חלום.

— א חלום? — האָט ווידערהאָלט ווראָנסקי און האָט זיך אויגענבליקליך עראינערט אויף זיין חלום מיט דעם פויער.

— יא, א חלום — האָט זיא געזאָגט — שוין לאַנג האָב איך געזעהען דעם דאָזיגען חלום. איך האָב געזעהען וויא איך בין אריינגעלאָפען אין מיין שלאָפצימער, איך האָב דאָרט עפּעס געדארפט האָבען, געדארפט אויסגעפינען וואָס: דוא ווייסט דאך וויא דאָס טהוט זיך אין חלום — האָט זיא געזאָגט צועפענענדיג ברייט דיא אויגען פון שרעק — און אין שלאָפצימער אין ווינקעל שטעהט עפּעס וואָס...

— אך, וועלכע דומהייטען! וויא קאָן מען גלויבען...

אָבער זיא האָט איהם ניט געלאָזען איבערשלאָגען איהר. דאָס וואָס זיא האָט דערצעהלט איז געווען צו וויכטיג פאר איהר.

— און דאָס דאָזיגע עפּעס האָט זיך א קעהר געטאָהן און איך זעה, אז דאָס איז א פויער מיט א צושויבערטע בערדיל, א קליינינקער און א שרעקליכער. איך האָב געוואָלט לויפען, אָבער ער האָט זיך אָנגעבויגען איבער א זאַק און שארט דאָרט עפּעס מיט דיא הענד....

זיא האָט פארגעשטעלט וויא ער גראָבט זיך זוכענדיג מיט דיא הענד אין זאַק. פחד איז געווען אויף איהר פנים. און ווראָנסקי, עראינערענדיג זיך אין זיין אייגענעם חלום, האָט געפיהלט אויך אזא שרעק, וואָס האָט אָנגעכאַפּט זיין

**גאנצע זעעלע.**

— גראבט ער זיך און גראבט זיך און זאגט אויף פראנצויז, שנעל, שנעל: מען דארף דעם אייזען ברעכען, צושמעטערען, צורייבען... און איך האב זיך געוואלט אויפכאפען פון שרעק און איך האב זיך אויפגעכאפט.. אבער איך האב זיך דאס אויפגעכאפט אין חלום. און האב אנגעהויבען פרעגען זיך, וואס איז דיא בעדייטונג דערפון? און קארניי זאגט מיר: „פון קינפעט, פון קינפעט וועט איהר שטארבען, פון קינפעט, מאמינקע“... און איך האב זיך אויפגעכאפט...

— וועלכע דומהייטען! וועלכע דומהייטען! — האט געזאגט ווראנסקי, אבער ער האט אליין געפיהלט, אז עס איז קיין זיכערהייט ניט געווען אין זיין שטימע.

— אבער לאמיר ניט ריידען. קלינג אן, און איך וועל הייסען דערלאנגען טהעע. יא,ווארט, איצט וועט עס ניט לאנג, איך...

זיא האט זיך פלוצלונג אבגעשטעלט אין מיטען. דער אויסדרוק פון איהר פנים האט זיך אין איין מאמענט געענדערט. איהר שרעק און צוטראגענהייט האט זיך פלוצלונג פערביטען אויף דעם אויסדרוק פון שטילע, ערנסטע און מילדע אויפמערקזאמקיים. ער האט ניט געקאנט פארשטעהן דיא דאזיגע ענדערונג. זיא האט געשפירט אין זיך דיא בעוועגונג פון א נייעס לעבען.

4.

נאך זיין בעגעגניס מיט ווראנסקין ביי זיך אויפ'ן גאניק, איז אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש געפאהרען אין דער איטאליענישער אפערא, וויא ער האט בעאבזיכטיגט פון פריהער. ער איז דארט איבערגעזעסען צוויי אקטען, האט געזעהען אלעמען, וועמען ער האט געהאט נויטיג צו זעהען. ווען ער איז געקומען צוריק אהיים, האט ער אויפמערקזאם בעקוקט דעם קליידער־הייגנער און זעהענדיג, אז אויף איהם הייגנט קיין מיליטערישער מאנטעל ניט איז ער, וויא זיין געוועהנהייט איז געווען, אוועק צו זיך אין צימער. אבער געגען זיין געוועהנהייט איז ער איצט ניט געגאנגען שלאפען און איז ארומגעגאנגען הין און צוריק אין זיין קאבינעט ביז דריי א זייגער ביינאכט.

איהם האט ניט געלאזט רוהען זיין כעס־געפיהל געגען זיין פרוי, וועלכע האט ניט געוואלט נאכקומען דער פאדערונג פון אנשטענדיגקייט און ערפיללען דעם איינציגען תנאי, וועלכען ער האט איהר אוועקגעשטעלט: ניט אויפצונעהמען דא אין הויז איהר ליעבהאבער. זיא האט ניט ערפילט זיין פאדערונג און ער מוז זיא בעשטראפען און אויספיהרען דאס, מיט וואס ער האט איהר געסטראשעט: פאדערן א גט און אבנעהמען פון איהר דעם זוהן. ער האט געוואוסט אז דאס איז א זאך וואס איז פערבונדען מיט פיעל שוועריגקייטען, אבער ער האט איהר געזאגט אז ער וועט דאס טאהן און ער וועט דאס טאהן.

# אננא קארענינא

דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא האָט איהם געגעבען אָנצוהערענעס, אז דאָס איז געווען דער בעסטער אויסגאנג פון אזא לאגע. אויסער דעם, קומט קיין צרה ניט אליין און אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשען איז געגאנגען שלעכט אויך אין אנדערע אנגעלעגענהייטען. זיינע פראָיעקטען וועגען דער איררינאציאָן פון פעלדער אין זאראיסקער גובערניע און וועגען איינאָרדנען דיא לאגע פון דיא פרעמד־געבאָרענע האָבען איהם געבראכט אונאנגענעהמליכקייטען און פיעל שונאים. און דארום איז ער אין דער גאנצער לעצטער צייט געווען אלץ אין א נערוועזען צושטאנד.

א גאנצע נאכט האָט ער ניט געשלאָפען, און זיין כעס איז געשטיגען ביז אזא מדרגה, אז צו אין־דער־פריה האָט געגרייכט צום העכסטען פונקט פון אויפרעגונג. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָהן און, וויא ער וואָלט טראָגען א פולען כוס מיט ביטערקייט ביז דיא ברעגען און וואָלט מורא האָבען עס זאָל זיך ניט פארגיסען אויפ'ן וועג, אזוי האָט ער מורא געהאט אז עס זאָל ניט אָבגעהן זיין כעס און דערמיט וועט ער פערלירען עפּעס פון זיין ענערגיע, וועלכע איז פאר איהם נויטיג צו האָבען אן איבעררייד מיט זיין פרוי. ער איז אריין צו איהר וויא ער האָט זיך נור דערוואוסט, אז זיא איז שוין אויפגעשטאנען.

אננא, וועלכע האָט געמיינט אז זיא קען איהר מאַן זעהר גוט, איז געווען איבעראשט פון זיין אויסזעהען, ווען ער איז אריין צו איהר. זיין שטערען איז געווען פערוואָלקענט, זיינע אויגען האָבען פינסטער געקוקט פאָראויס אויסמיידענדיג איהר בליק; זיין מויל איז געווען פעסט פערדריקט און מיט א מינע פון פעראכטונג. אין זיין גאנג, אין זיינע בעוועגונגען און אין דעם קלאנג פון זיין שטימע איז קענטיג געווען ענטשלאָסענהייט און אזא פעסטקייט, וועלכע זיא האָט אין איהם פריהער קיין מאָהל ניט באמערקט.

ער איז אריינגעגאנגען צו איהר אין צימער און ניט בעגריסענדיג איהר איז ער גלייך צוגעגאנגען צו איהר שרייב־טיש און נעהמענדיג דעם שליסעל האָט ער געעפענט דאָס טיש־קעסטעל.

— וואָס דארפט איהר? — האָט זיא א געשריי געטאָהן.

— דיא בריעף פון אייער ליעבהאבער — האָט ער געענטפערט.

— זיי זיינען דאָ ניטאָ — האָט זיא געזאָגט פערמאכענדיג דאָס טיש־קעסטעל.

אָבער פון דער דאָזיגער בעוועגונג האָט ער פערשטאנען, אז ער האָט ריכטיג געטראָפען, ער האָט גראָב אָבגעשטויסען איהר האנד און האָט שנעל א כאפּ געטאָהן דעם פאָרטפעל, אין וועלכען זיא האָט געהאלטען איהרע נויטיגסטע פאפיערען, וויא ער האָט געוואוסט. זיא האָט געוועלט ארויסרייסען פון זיין האנד דעם פארטפעל, ער האָט אָבער זיא אָבגעשטויסען.

— זעצט זיך! איך דארף מיט אייך וואָס ריידען — האָט ער געזאָגט אונטערקלייענדיג דעם פארטפעל אונטערן פאכווע און האָט אזוי פעסט צוגעדריקט מיט'ן עלענבויגען, אז זיין אקסעל האָט זיך אויסגעהויבען העכער.

זיא האָט געקוקט אויף איהם א פערוואונדערטע און ערשראָקענע.

— איך האָב אייך געזאָגט אז איך וועל אייך ניט ערלויבען אויפצונעהמען

# אננא קארענינא

יא אין הויז אייער ליעבהאבער.

— איך האב איהם געמוזט זעהען אום...

זיא האט זיך אבגעשטעלט, ניט קענענדיג געפינען וואס אויסצוטראכטען.

— איך וויל ניט אריינגעהן אין איינצעלהייטען צו וואס א פרויענצימער דארף זעהען איהר ליעבהאבער.

— איך האב בלויז געוועלט... — האט זיא זיך אנגעצונדען. זיין גראבקייט האט איהר אויפגעבראכט און האט איהר געגעבען מוטה — פיהלט איהר דען ניט, אז פאר אייך איז איצט לייכט מיך צו בעליידיגען? — האט זיא געזאגט.

— בעליידיגען קאן מען בלויז אן ארענטליכען מענשען און אן עהרליכע פרוי, אבער זאגען א גנב אז ער איז א גנב הייסט מעהר ניט וויא קאנסטאטירען א פאקט.

— דעם דאזיגען אכזרישען שטריך אין אייער כאראקטער האב איך נאך אין אייך ניט געקענט.

— איהר רופט אכזריש דאס, וואס א מאן גיט זיין פרוי פולע פרייהייט, געבענדיג איהר אן עהרליכעם הויז און אן עהרליכען נאמען בלויז מיט איין תנאי נאכצוקומען אנשטענדיגקייט. איז דאס אכזריש?

— דאס איז ערגער פון אכזריש, דאס איז געמיינהייט, אויב איהר ווילט וויסען! — האט זיא א געשריי געטאהן מיט אן אויסברוך פון צארען. זיא איז אויפגעשטאנען און האט געוועלט געהן.

— ניין! האט ער א געשריי געטאהן מיט זיין קוויטשעדיגען קול, וועלכער האט איצט זיך אויפגעהויבען נאך מיט א טאן העכער פון געוועהנליך. ער האט א כאפ געטאהן מיט דיא גרויסע פינגער איהר האנד אזוי פעסט, אז אויף איהר האנד איז געבליבען א צייכען פון דעם בראסלעט וועלכען ער האט צוגעדריקט, און ער האט זיא מיט גוואלט אוועקגעזעצט צוריק אויף איהר פלאץ.

— געמיינהייט, זאגט איהר? אויב איהר ווילט שוין געברויכען אזא ווארט, דאן זייט וויסען, אז א געמיינהייט איז דאס, וואס א פרוי ווארפט אוועק איהר מאן, איהר זוהן און שעהמט זיך ניט צו עסען איהר מאנס ברויט!

זיא האט אנגעבויגט דעם קאפ. זיא האט ניט נור ניט געזאגט איהם דאס וואס זיא האט נעכטען געזאגט איהר געליעבטען, אז ע ר איז איהר מאן, און דער מאן איז אן איבעריגער; זיא האט אפילו ניט א טראכט געטאהן וועגען דעם. זיא האט געפיהלט דיא גאנצע גערעכטיגקייט פון זיינע ווערטער און האט בלויז געזאגט שטיל:

— איהר קאנט ניט שילדערן מיין לאגע ערגער איידער איך אליין פאר־שטעה זיא. אבער צו וואס זאגט איהר דאס מיר?

— צו וואס זאג איך דאס? צו וואס? — האט ער געשריען מיט דעם זעלביגען צארען — איך זאג דאס כדי איהר זאלט וויסען, אז אזוי וויא איהר האט ניט ערפילט מיינע פאדערונגען וועגען אבהיטען אנשטענדיגקייט, וועל איך פארנעהמען מיטלען, צו מאכען א סוף צו דער דאזיגער לאגע.

— באלד, באלד וועט זיך דאס ענדיגען סאי־וויא־סאי — האט זיא גע־זאגט און ווידער האבען זיך טרעהרען געוויזען אין איהרע אויגען ביי דעם געדאנק,

אַז דער טויט וועט באַלד קומען.

— יאָ, אָבער עס וועט זיך ענדיגען פריהער איידער אידר מיט אייער געלעבטען פלאַנעווען! פאַר אייך א׳ז דאָך בלויז נויטיג דיא בעפריעדיגונג פון טהיערישע ליידענשאַפט....

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש! איך זאָג שוין ניט אַז דאָס איז ניט גרויסמוטהיג, דאָס איז דאָך אָבער אויך ניט אנשטענדיג, צו שלאָגען אַ ליגענדען.

— יאָ, איהר טראַכט מעהר ניט ווי פון זיך! אָבער די יסורים פון אַ מענשען, וועלכער איז געוועזען אייער מאַן, זיי אינטערעסירען אייך ניט. אייך קימערט ניט וואָס זיין לעבען איז רואינירט, וואָס ער קאָן דאָס ניט אביבע.... אדיבע... אליבערטראָגען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט גערעדט אזוי שנעל, אַז ער האָט זיך צושטאַמעלט און האָט בשום אופן ניט געקאָנט ארויסריידען דעם דאָזיגען וואָרט, און ער האָט ענדליך ארויסגעשטאַמעלט אַ ל י ב ע ר ט ר אָ ג ע ן. איהר איז געוואָרען קאָמיש און באַלד האָט זיא אויך דערפיהלט געוויסענסביסע, וואָס אין אַזאַ מינוט קאָן איהר פאָרקומען עפּעס שפּאַסהאַפט. און צום ערשטען מאָל האָט זיא אויף אַן אויגענבליק דערפיהלט מיטלייד מיט דעם מענשען. אָבער וואָס האָט זיא געקאָנט זאָגען אָדער טאָהן? זיא האָט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געשוויגען. ער האָט אויך געשוויגען אַ ווייל׳ע און האָט אָנגעהויבען דערנאָך שוין מיט אַ וויינעגער קוויטשעריינען און אַ רוהיגערען טאָן. ער האָט גערעדט איצט קעלטער, געלאַסענער און אונטערשטרייכענדיג יעדען וואָרט, אפילו אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבען גאָר ניט געהאַט קיין בעזונדער בעדייטונג:

— איך בין געקומען אייך זאָגען... — האָט ער אָנגעהויבען.

זיא האָט אויף איהם אַ קוק געטאָהן: „ניין, מיר האָט זיך דאָס בלויז געדוכט — האָט זיא אַ טראַכט געטאָהן דערמאָנענדיג זיך וויא ער האָט זיך פערפּלאָנטערט ארויסצוריידען דעם וואָרט אריבערטראָגען — ניין, קאָן דען אַ מענש מיט דיא דאָזיגע מוטנע אויגען, מיט דער דאָזיגער זעלבסטצופריעדענער רוהיגקייט פיהלען וואָס ניט איז?“

— איך קאָן קיין זאַך ניט ענדערן — האָט זיא אַ מורמעל געטאָהן.

— איך בין געקומען אייך זאָגען, אַז איך פאָהר מאָרגען אָב קיין מאסקווא און וועל מעהר זיך אהער אין הויז ניט צוריקקעהרען, און איהר וועט זיך דערוויסען וועגען מיין ענטשלוס פון מיין אַדוואָקאַט — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, זוכענדיג מיט מיה צו דערמאָנען זיך וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען וועגען זייער זוהן — מיין זוהן וועט אוועקגעפיהרט ווערען צו מיין שוועסטער.

— איהר דאַרפט צוגעהמען סעריאָזשען כדי מיר אָנצוטאָהן שמערץ — האָט זיא געזאָגט קוקענדיג אויף איהם פון אונטערן שטערען — איהר ליעבט דאָך איהם ניט. לאָזט איבער סעריאַזשאַן מיט מיר!

— יאָ, איך האָב פערלאָרען מיין ליעבע צום זוהן, ווייל מיט איהם איז פערבונדען מיין עקעל צו אייך. אָבער פון דעסטוועגען וועל איך איהם אוועקנעהמען פון אייך. אדיע!

און ער האָט געוואָלט ארויסגעהן. איצט האָט זיא אָבער שוין איהם פאַר־

שטעלט דעם וועג.

— אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, לאָזט דאָ איבער סעריאזשאן — האָט זיא געמורמעלט מיט א געבעט ווידער — איך קאָן מעהר גאָרנישט זאָגען — לאָזט מיר איבער סעריאזשאן ביז מיין... איך וועל באלד געלעגען ווערען. לאָזט מיר איהם...

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך אָפגעצונדען און ארויסרייסענדיג פון איהר זיין האנד איז ער שווייגענדיג ארויס פון צימער...

5.

דער עמפפאנגס־צימער פון דעם בעריהמטען פעטערסבורגער אדוואָקאט איז געווען פול מיט קליענטען, ווען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז אהין אריינגעקומען. דריי דאמען: אן אלטע, א יונגע און סוחר'טע; דריי הערען: איינער א באנקיער א דייטש מיט א רינג אויפ'ן פינגער; דער אנדערער א סוחר מיט א באָרד, און דער דריטער — א בייזער טשינאָווניק אין א וויצמונדיר און מיט א מעדאל אויפ'ן ברוסט, האָבען שוין לאנג געווארט, וויא עס איז קענטיג געווען. צוויי געהילפס־שרייבער זיינען געזעסען ביי א טיש און האָבען געסקריפעט מיט דיא פעדערס. דיא שרייב־געצייג, אויף וואָס אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז געווען א גרויסער בעלן, זיינען געווען אויסערגעוועהנליך גוטע. ער האָט ניט געקענט ניט באמערקען דאָס. איינער פון דיא געהילפס־שרייבער האָט, ניט אויפהויבענדיג זיך, א קוועטש געטאָהן מיט דיא אויגען און האָט זיך בייז א ווענד געטאָהן צו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשען:

— וואָס פערלאנגט איהר?

— איך האָב צו זעהען דעם אדוואָקאט.

— דער אדוואָקאט איז בעשעפטיגט — האָט שטריינג געענטפערט זיין אסיסטענט, אָנווייזענדיג מיט זיין פעדער אויף דיא ווארטענדע, און ער האָט פאָרטגעזעצט ווייטער זיין שרייבעריי.

— צו קאָן ער ניט געפינען צייט פיעלייכט? — האָט געפרעגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

— ער האָט ניט קיין פרייע צייט, ער איז אימער בעשעפטיגט. זייט אזוי גוט און ווארט.

— דאן בעמיהט זיך פיעלייכט איבערגעבען איהם מיין וויזיט־קארטע — האָט מיט ווירדע געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, זעהענדיג זיך געצוואונגען אויסצוזאָגען זיין נאָמען, וואָס ער האָט געוואָלט פערהיימליכען.

דער אסיסטענט האָט גענומען דיא וויזיט־קארטע און האָט אפנים ניט גלייך דערקענט פון איהר ווער דאָס איז און איז אוועק אין טהיר צום אדוואָקאט.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט אין פרינציפ אנערקענט אָפענעם גע־

ריכט; ער איז אָבער געווען דאגעגען אין מאנכע איינצעלהייטען וויא דאָס ווערט אָנגעווענדעט, וואָס עס האָט ארויסגעבראכט לויט זיין מיינונג גרויסע חסרונות. זייענדיג זיין גאנצען לעבען באשעפטיגט מיט אדמיניסטראטיווע אנגעלעגענהייטען האָט ער אפילו דאן, ווען ער האָט מיט עפּעס ניט מיטגעפיהלט, ווייכער געמאכט זיין מיינונג געגען דעם, ווייל ער האָט איינגעפונען, אז פעהלערען זיינען אונפערמיידליך אין יעדער זאך, און יעדער זאך קען זיך בלויז לאנגוויילינג אויסבעסערען. ער האָט אָבער ביז איצט קיין מאָהל ניט געהאט צו טאָהן מיט אדוואָקאטור און דארום איז זיין געגנערישע מיינונג בלויז געווען א טהעאָרעטישע. איצט האָט זיך זיין געגנערישע מיינונג פערשטארקט איבער דער אונאנגענעהמליכקייט, וועלכע ער האָט געפיהלט אין דעם אדוואָקאטס עמפּפאנגס־צימער.

— זיי וועלען באלד ארויסקומען — האָט געזאָגט דער אסיסטענט.

און ווירקליך, עס האָט ניט געדויערט קיין צוויי מינוט וויא אין טהיר האָט זיך געוויזען דיא לאנגע פיגור פון אן אלטען געזעטץ־קענער און באלד דיא פיגור פון דעם אדוואָקאט אליין, מיט וועלכען דער דאָזיגער האָט געפיהרט א געשפּרעך.

דער אדוואָקאט אליין איז געווען א קליינינקער, א ברייט־פּלייציגער, פּליכעוואטער מיט א דונקעל־ברוינע באָרד, מיט העלע, לאנגע ברעמען און אן אראָבגעלאָזענעם שטערן. ער איז געווען אויסגעפּוצט וויא א חתן, אָנגעהויבען פון דעם האלזטוך און אויסגעלאָזען מיט דיא לאקירטע שיך. א קלוגער, פויערשער פּנים און פראנטיש אָנגעטהאָן מיט א שלעכטען געשמאק.

— ביטע — האָט געזאָגט דער אדוואָקאט ווענדענדיג זיך צו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש. און דורכלאָזענדיג קארענינען פערביי זיך, האָט ער פערמאכט דיא טהיר — ביטטע!

ער האָט אָנגעוויזען אויף א פוטעל לעבען שרייב־טיש, אויף וועלכען עס זיינען געווען אָנגעוואָרפען פערשיעדענע פּאפּיערען, און האָט זיך אליין געזעצט אויף דעם פּלאַץ וויא א פּאָרזיצענדער, רייבענדיג זיינע קליינע הענטלעך און אָנבויגענדיג זיין קאָפּ אויף א זייט. אָבער נור וואָס ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין א רעכטער פּאָזע, וויא איבערן טיש איז דורכגעפלויגען א מאָיל. דער אדוואָקאט האָט זיך שנעל א הויב געטאָהן, האָט מיט זיינע הענד א כאפּ געטאָהן דיא מאָיל און האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט וויא פריהער.

— איידער איך וועל אָנהויבען ערקלעהרען מיין אנגעלעגענהייט — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — דארף איך אייך אויפמערקזאם מאכען, אז דיא זאך וועגען וועלכע איך האָב צו ריידען מיט אייך מוז בלייבען א געהיימניס.

— איך וואָלט ניט געווען קיין אדוואָקאט, אויב איך וואָלט ניט געקאנט אָבהיטען קיין סודות, וועלכע ווערען מיר אנפערטרויעט. אָבער אויב איהר ווילט א בעשטעטיגונג...

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט א קוק געטהאָן אויף זיין פּנים און האָט דערזעהען, אז זיינע גרויע קלוגע אויגען לאכען, אזוי וויא זיי וואָלטען שוין אלעס געוואוסט פון פריהער.

— איז אייך בעקאנט מיין פאמיליע? — האט פארטגעזעצט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

— איך קען אייך און אייער ניצליכע — ער האט ווידער געכאפט א מאָל — טהעטיגקייט, וויא עס ווייס דאָס יעדער רוססישער — האָט געזאָגט דער אד־וואקאט און האָט זיך פערנייגט.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האט א זיפץ געטאָהן און אָנגענומען זיך מיט מוטה. אָבער איין מאָהל האט ער זיך שוין ענטשלאָסען האט ער שוין פאָרטגעזעצט מיט זיין קוויטשעדיגער שטימע, אָבער אָהן צוריקהאלט, אָהן שטאמ־לען און אונטערשטריכענדיג יעדען וואָרט.

— איך האב דעם אומגליק — האָט אָנגעהויבען אלעקסיי אלעקסאנדראָ־וויטש — צו זיין אַן אָבגענארטער מאַן און איך וויל געזעצליך צורייסען מיינע בעציהונגען צו מיין פרוי, אָבער אזוי מאכען דאָס, אז דער זוהן זאָל ניט בלייבען מיט דער מוטער.

דעם אדוואָקאט׳ס גרויסע אויגען האָבען זיך געגעבען דיא מיה ניט צו לאכען, אָבער זיי זיינען געשפרונגען פון שמחה, און אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט געזעהען, אז דאָ איז ניט געווען בלויז דיא פרייד פון א מענשען, וואָס האָט בעקומען א גוטע בעשטעלונג — דאָ איז געווען טריאומף און געהויבענקייט, דאָ איז געווען גלאנץ, עהנליך צו יענעם גלאנץ, וועלכען ער האָט געזעהען אין דיא אויגען פון זיין פרוי.

— איהר פערלאנגט מיין מיטווירקונג אויסצופיהרען א גט?

— יא, אָבער איך מוז אייך אָנזאָגען פאָראויס, אז איך וועל זיך פיעלייכט בענוצען מיט א געשפרעך מיט אייך. איך בין געקומען נעמליך איצט פריהער פון אלעס צו האלטען זיך מיט אייך אַן עצה. איך וויל אויסווירקען א גט, אָבער פאר מיר זיינען וויכטיג דיא פאָרמען, אין וועלכע פעלע עס איז מעגליך. עס קאָן זעהר זיין, אז ווען דיא פאָרמען וועלען ניט זיין פאסענד פאר מיינע פאָדערונגען, וועל איך זיך אין גאנצען ענטזאגען פון געזעצליך פאָדערען א שיידונג.

— א, דאָס איז אלע מאָל אזוי, און דאָס איז אלע מאָל אזוי, וויא איהר ווילט.

דער אדוואָקאט האָט אראָבגעלאָזען זיינע אויגען אויף אלעקסיי אלעק־סאנדראָוויטשעס פיס, פיהלענדיג אז פון דעם אויסדרוק פון פרייד אויף זיין פנים, וואָס ער קאָן ניט צוריקהאלטען, קאָן זיך נאָך דער קליענט בעליידיגען. ער האט א קוק געטאָהן אויף א מאָיל, וועלכע איז דורכגעפלויגען בערביי זיין נאָז און האָט זיך א ריס געטאָהן מיט׳ן האנד, האָט אָבער ניט געכאפט אויס רעספעקט צו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשעס לאגע.

— הגם אין אלגעמיינע שטריכען זיינען מיר בעקאנט אונזערע געזעצע וועגען דעם דאָזיגען געגענשטאנד — האָט פאָרטגעזעצט אלעקסיי אלעקסאנדראָ־וויטש — וואָלט איך וועלען וויסען אין אלגעמיין פון דעסטוועגען, אויף וועלכע אופן ווערען געמאכט אזעלכע אנגעלעגענהייטען.

— איהר פערלאנגט — האָט געענטפערט דער אדוואָקאט ניט אויפ־הויבענדיג דיא אויגען און האָבענדיג פערגעניגען צו ריידען מיט דעמזעלבען טאָן

פון זיין קליענטס רייד — איך זאָל אייך אָנווייזען אַלע יענע וועגען, דורך וועלכע עס איז מעגליך דיא ערפיללונג פון אייער וואונש.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ שאָקעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ אויף יא און דער אַדוואָקאַט האָט פאָרטגעזעצט:

— אַ גט, לויט אונזערע געזעצע, איז מעגליך, וויא אייך איז בעוואוסט, אין פאָלגענדע פעלע.... וואַרטען! — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָהן צו זיין אַסיסטענט, וועלכער האָט זיך אַריינגערוקט אין טהיר, אָבער איז פון דעסטוועגען אויפגעשטאַנען, האָט איהם געזאָגט אייניגע ווערטער און האָט זיך גלייך ווידער געזעצט — אין פאָלגענדע פעלע: פיזישע חסרונות פון דיא פערהייראַטהע, פינף יאָהר פערשווינדען און ניט וויסען וואוהין — האָט ער געזאָגט פערבויגענדיג דעם קורצען פינגער וואָס איז געוועזען פערוואַקסען מיט האָאר — און דאַן ניאוף. (ער האָט דעם וואָרט אַרויסגערעדט מיט אַ קענטיגער הנאה). דיא איינטהיילונגען זייענען פאָלגענדע (ער האָט געבויגט ווייטער דיא דיקע פינגער, הגם פעלע און איינטהיילונגען קאָנען ניט זיין קלאַסיפיצירט אין איינעם): קערפּערליכע חסרונות פון דעם מאַן אָדער דער פרוי; ניאוף פון דעם מאַן אָדער דער פרוי — אַזוי וויא אַלע פינגער זיינען שוין דאָ געוועזען פערבויגט, האָט ער זיי אַלע צוריק אָבגעבויגט און האָט פאָרטגעזעצט: — דאָס איז טהעאָרעטיש; אָבער איך רעכען, אַז איהר האָט מיר אָנגעטאָהן דיא עהרע און געווענדעט זיך צו מיר ניט צוליעב ערקונדיגען זיך וויא דאָס ווערט פּראַקטיש אָנגעווענדעט. און דארום, אויף גרונד פון געוועזענע פעלע, דאַרף איך אייך מעלדען, אַז פון דיא אַלע פעלע קומען מיר צו פאָלגענדעס: קיין פיזישע חסרונות זיינען ניטאָ, וויא איך קאָן פאַרשטעהן? און קיין פאַל פון פערשווינדען מען ווייס ניט וואוהין?...

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ שאָקעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ אַלס בעשטעטיגונג.

— קומט מען, הייסט עס, צו פאָלגענדעס: ניאוף פון איינעם פון דיא פערהייראַטהע און לויטביידענס איינשטימונג איז דיא שולד פון דעם פערברעכערישען צד בעוויזען געוואָרען, און אַ חוץ דער דאָזיגער איינשטימונג זיינען נאָך פאַראַן בעווייזע, וואָס זיינען ניט מיט דעם ווילען פון דעם שולדיגען צד. איך מוז אייך זאָגען, אַז דאָס לעצטע פּאַסירט ווייניג אין דער פּראַקטיקע — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט און האָט אַ קוק געטאָהן אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געשוויגען און דער אַדוואָקאַט האָט פאָרטגעזעצט:

— איך רעכען פאַר דאָס פערנינפטיגסטע און דאָס געוועהנליכסטע ניאוף לויט ביידענס איינשטימונג. איך וואָלט זיך ניט ערלויבט אַזוי אויסצודריקען, ריידענדיג מיט אַן אונענטוויקעלטען מענשען — האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט — אָבער איך רעכענען, אַז פאַר אייך איז דאָס פערשטענדליך.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אָבער געוועזען אַזוי צוטראָגען, אַז ער האָט ניט גלייך פערשטאַנען דיא פערנינפטיגקייט פון ניאוף לויט ביידענס איינשטימונג. אָבער דער אַדוואָקאַט האָט איהם גלייך אויסגעהאָלפען:

— מענשען קאָנען ניט מעהר לעבען צוזאַמען — דאָס איז דער פאַקט.

און אויב בײדע שטימען אײן דערײן, דאַן זײנען דאָך דיא אײנצעלהײטען און דיא פאָרמאַליטעטען גאַנץ עגאַל. און אין דער זעלבער צײט איז דאָס דער אײנפאַכסטער און זיכערסטער מיטעל:

אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש האָט איצט פאָלשטענדיג פערשטאַנען. אָבער בײ איהם זײנען געװען רעליגיעזע פאָדערונגען, װעלכע האָבען ניט דערלאָזען אַזאַ מיטעל צו געברױכען.

— אין דער געגענװערטיגער פראַגע קאָן דאָס ניט געמאָלט זײן — האָט ער געזאָגט — דאָ איז נאָר אײן פאַל מעגליך: אונװיליגע בעװײזע, װעלכע װערען בעשטעטיגט דורך געפונענע בריעף, װעלכע איך האָב.

װיא נאָר בריעף זײנען דערמאָנט געװאָרען האָט דער אַדװאָקאַט פערקװעטשט דיא ליפען און האָט אַרױסגעלאָזען אַדינעם מיטלײדיגען און פאַראַכטליכען קלאַנג.

— ערלױבט נור אײנצוזעהען — האָט ער אָנגעהױבען — אַזעלכע אַנגעלעגענהײטען, װיא איהר װײסט, װערען ענטשיעדען פון גײסטליכען דעפאַרטמענט; דיא קירכען־טאַטעס און דיא פראָטאָפאָפעס זײנען אין אַזעלכע פעלע בעלנים אויף דיא גענױעסטע קלײניגקײטען — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמײכעל, אין װעלכען עס האָט זיך געזעהען, אַז ער פיהלט מיט דערײן מיט דיא פראַטאַפאָפעס — בריעף זײנען אָהן צװײפעל אַ בעװײז מאַנכעס מאָהל; אָבער דיא בעװײזע דאַרפען זײן מעהר דירעקטע, ד. ה. עס דאַרפען זײן עדות. אין אַלגעמײן װען איהר װעט מיר אָנטאָהן דיא עהרע און שײנקען אײער פערטרױען, דאַן לאָזט איבער פאַר מיר אױסצוקלײבען דיא מיטלען, װעלכע דאַרפען אָנגעװענדעט װערען אין אַזעלכע פעלע. װער עס װיל דעם רעזולטאַט, יענער שטימט אײן אויך צו דיא מיטלען.

— אויב אַזוי... — האָט פלוצלונג בלײך װערענדיג אָנגעהױבען אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש; אָבער אין דעם דאָזיגען אויגענבליק האָט זיך דער אַדװאָקאַט װידער אויפגעהױבען און איז װײטער צוגעגאַנגען צו דער טיהר צו זײן אַסיסטענט, װעלכער האָט געװאָלט אַרײן.

— זאָגט איהר, אַז מיר זײנען דאָ ניט אויף אַ ביליגען יאַריד! — האָט ער אַ זאָג געטאָהן און האָט זיך צוריקגעקעהרט צו אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש.

אומקעהרענדיג זיך צוריק צו זײן פלאַטץ האָט ער אונבעמערקט אַ כאַפ געטאָהן נאָך אַ מאָיל:

— אַלזאָ איהר האָט ערלױבט צו זאָגען... — האָט ער אָנגעהױבען.

— איך װעל אײך לאָזען װיסען מײן בעשלוס שריפטליך — האָט געזאָגט אַלעקסײ אַלעקסאַנדראָװיטש אויפשטעהענדיג און אָנהאַלטענדיג זיך אָן טיש — פון אײערע װערטער קאָן איך שליסען פאָלגענדעס, אַז אױסװירקען אַ גט איז מעגליך. איך װאָלט אײך בעטען, איהר זאָלט מיר שוין לאָזען װיסען, װאָס זײנען אײערע קאָנדיציאָנען?

— אַלעס איז מעגליך, אויב איהר װעט מיר נור פערטרױען צו האַנדלען װיא איך געפין פאַר נױטהיג — האָט געזאָגט דער אַדװאָקאַט, ניט ענטפערענדיג אויף דער פראַגע — װען קאָן איך רעכענען צו בעקומען פון אײך אױסקונפט

— האָט ער אַ פרעג געטאָהן צוגעהענדיג נעהענטער צו דער טיהר און גלענצענדיג מיט דיא אויגען און מיט דיא לאַקירטע שיכלעך.

— אין אַ וואָך ארום. איהר וועט זיין אַזוי גוט לאָזען מיך וויסען אויב איהר נעהמט זיך אָן צו פיהרען דעם פּראָצעס און אויף וועלכע קאָנדיציאָנען.

— זעהר גוט.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך העפליך פערנייגט, האָט דורכגעלאָזען דעם קליענט דורך דער טיהר און בלייבענדיג אַליין האָט ער זיך איבערגעגעבען פריי זיין געפיהל פון שמחה. איהם איז געוואָרען אַזוי גוט אויפ'ן הארצען, אַז ער האָט, געגען זיינע רעגעלען אַראָפּגעלאָזען פון זיין פרייז דער דאַמע, וועלכע האָט זיך געדונגען און האָט אויפגעהערט צו כאַפּען מאָיל, בעשליסענדיג אויף זיכער, אַז צו ווינטער דאַרף מען איבערציהען דיא מעבעל מיט סאַמעט, וויא ביי סי־גאַנינען.

6

אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיאָן פון זיבענצעהנטען אויגוסט האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געהאַט אַ זיעג, אָבער דיא פאָלגען פון זיעג האָבען איהם אונטערגעהאַקט. דיא נייע קאָמיסיאָן אום אויסצופאָרשען אין אַלע הינזיכטען דיא לאַגע פון דיא פרעמד־געבאָרענע איז טאַקע בעשטימט געוואָרען און איז אויסגעריכט געוואָרען אויפ'ן פּלאַץ, וויא אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט פאָרגעשלאָגען, ענערגיש און שנעל.

אין דריי מאָנאַטען ארום איז געווען צוגעשטעלט שוין דער בעריכט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיאָן. דיא לאַגע פון דיא פרעמד־געבאָרענע איז אויסגעפאָרשט געוואָרען פּאָליטיש, אַדמיניכטראַטיוו, עקאָנאָמיש, עטנאָגראַפיש, מאַטעריעל און רעליגיעז. אויף אַלע פראַגען זיינען געווען זעהר פּראַכטפאָל געשריבענע אַנטוואָרטען. דיא אַנטוואָרטען זיינען געווען דער רעזולטאַט פון אָפיציעלע אנגאבען אויף גרונד פון דיא בעריכטען פון גובערנאַטאָרען און ארכיערייען, וועלכע האָבען זיך געשטיצט אויף דיא בעריכטען פון דיא אויעזדנע נאַטשאַלניקעס, פון גלחים, וועלכע האָבען זיך פון זייער זייט געשטיצט אויף דיא בעריכטען פון זייערע אונטערגעאָרדנעטע. און דארום איז אין אַלע אַזעלכע אויסקינפטע קיין צווייפעל ניט געווען.

אַלע אַזעלכע פראגען וויא צום ביישפּיעל פאַר וואָס פאַסירען אונגערעטעניסען אויף דיא פעלדער, פאַר וואָס האלטען זיך דיא איינוואָהנער פעסט פאַר זייערע גלויבענס, און ז. וו. — פראגען, וועלכע קאָנען ניט ענטשיידען ווערען אָהן דער בעקוועמליכקייט פון דער ביוראקראטישער מאַשין און קאָנען אויביג בלייבען אונענטשיידען, האָבען איצט בעקומען אַ קלאָהרע און אונצווייפעלהאַפטע ענטשיידונג. און דיא ענטשיידונג איז טאַקע געווען צו גונסטען פון

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס מיינונג.

אָבער סטרעמאָוו, פיהלענדיג זיך בעזיגט אין דער לעצטער זיצונג, האָט גאנץ אונערוואַרטעט פאַר אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, געברויכט אַ נייע טאַקטיק. ער האָט צוגעצויגען אויף זיין זייט איינ׳יגע אנדערע מיטגליעדער פון דער קאָמיסיאָן און איז פלוצלונג איבערגעגאנגען צו אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס צד און האָט היציג פערטהיידיגט דיא פאָדערונג, אז עס זאָלען אָנגעווענדעט ווערן דיא מיטלען, וועלכע קארענין שלאָגט פאָר, אָבער ער שלאָגט פאָר טאַקע צוליעב דעם נאָך גרינדליכערע מיטלען אין זעלבען גייסט וואָס קארענין.

דיא דאָזיגע מיטלען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען און געברויכט געוואָרען צו עקסטרעם, האָבען זיך ארויסגעוויעזען אזוי נאריש, אז אלע מיט אַ מאָל, אין איין צייט, שטאַאַטס־מענער, דיא עפענטליכע מיינונג און קלוגע דאמען און צייטונגען — אלעס איז אויפגערעגט געוואָרען געגען דער אנווענדונג פון דיא דאָזיגע מיטלען, געגען דיא מיטלען גופא און געגען זייער פאטער אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש. איהם האָט מען גערעכענט אלס דעם פאטער פון דעם פּראָיעקט. סטרעמאָוו אליין האָט זיך אָבגערוקט אן אַ זייט און האָט זיך געמאַכט אזוי וויא ער וואָלט געווען גאנץ אונשולדיג דערביי און האָט נור געפאָלגט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס פּלענער.

דאָס האָט אין גאנצען אונטערגעהאַקט קארענינען. אָבער ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיין געזונד איז שוין געווען אָנגעשטריינגט, ניט קוקענדיג אויף דיא צרות אין זיין פאמיליע, האָט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש זיך ניט אונטערגעגעבען. אין דער קאָמיסיאָן איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. סטרעמאָוו מיט זיינע אנהייננגער האָבען גע׳טענה׳ט, אז זיי האָבען זיך פערלאָזען אויף דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיאָן, וועלכע איז געווען אונטער דער לייטונג פון קארענינען און עס לאָזט זיך אויס אז דיא בעריכטען פון דער דאָזיגער קאָמיסיאָן זיינען גאָרנישט ווערטה און דאָס איז מעהר ניט וויא פערשריבענע פאפּיער. און אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש מיט זיינע אנהייננגער האָבען געקעמפּפט געגען אזעלכע רעוואָלוציאָנערע מיינונגען וועגען אָפּיציעלע אויסקינפטע און האָט פערטהיידיגט דיא אנגאבען, וואָס זיינען פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיאָן אויסגעארבייט געוואָרען.

איבער דער דאָזיגער מחלוקת איז געוואָרען אַזאַ פּלאָנטער אין דיא מוחות פון דער עפענטליכער מיינונג, אַז אפילו דיא, וואָס האָבען זיך שטארק אינטערעסירט מיט דער פראגע, האָבען ניט געוואוסט וויא זיינען דאָך דיא פאַקטען: קומען אום דיא פרעמדגעבאָרענע און זייער לאגע איז טאַקע אַזאַ פערצווייפעלטע אָדער זייער לאגע איז אַ בליהענדע.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש׳ס לאגע האָט נאָך געליטען ניט פון דעם אליין; איבער דיא חשדים, וועלכע זיינען געפאלען אויף איהם פאר דער אונטריהייט פון זיין פרוי, איז זיין לאגע נאָך געוואָרען ערגער. און אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האָט זייענדיג אין דער לאגע אָנגענומען אַ פעסטען בעשלוס. ער האָט ערקלעהרט אין דער קאָמיסיאָן, אז ער וועט בעטען דיא ערלויבניס אליין צו פאָהרען און מאַכען אן אונטערזוכונג אויפ׳ן פּלאַץ. ער האָט אויסגעווירקט דיא ערלויבניס און איז אוועקגעפאָהרען אין דיא ווייטע פערוואָרפענע

גובערניעס.

זיין אבפאהר האט אַנגעמאַכט א גרויסען רעש, איבערהויפּט נאָך דער־פאר, וואָס אקוראט פאר זיין אָבפאהר, האט ער אָפיציעל צוריקגעקעהרט דיא רעגיערונגס־געלדער, וועלכע זיינען פאר איהם בעשטימט געוואָרען אויף הוצאות פון דער רייזע פאר צוועלף פערד, וועלכע זאָלען איהם פון פּאָסט צוגעשטעלט ווערען ביז דעם בעשטימטען פּלאַץ.

— איך געפין איין, אז דאָס איז זעהר גרויסמוטהיג פון זיין זייט — האט גערעדט וועגען דעם בעטסי מיט דער פירסטין מיאַכקאיא — צו וואָס זאָל מען בעשטימען געלדער פאר צוועלף פערד, ווען אלע ווייסען, אז איצט זיינען שוין אומעטום דורכגעפיהרט אייזענבאהנען ?

אָבער פירסטין מיאכקאיא איז געווען ניט איינפערשטאַנען און דיא מיינונגען פון פירסטין טווערסקאיא האָבען זיא אויפגערעגט.

— אייך איז גוט צו ריידען, ווען ביי אייך זיינען פאראן מיליאָנען, איך ווייס ניט וואָס פאר א געלדער, און איך האָב זעהר ליעב ווען מיין מאַן פּאָהרט אויף א רעוויזיאָן, הויפּטזעכליך זומער־צייט. פאר איהם איז זעהר געזונד און אנגענעהם דורכצופּאָהרען זיך און ביי מיר איז אזוי שוין איינגעפיהרט, אז אויף דיא דאָזיגע געלד האַלט איך אָן עקיפּאַזש מיט'ן קוטשער.

אויפ'ן וועג אין דיא ווייטע גובערניעס האט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש זיך אָבגעשטעלט אין מאָסקווא אויף עטליכע טעג. אויף דעם צווייטען טאָג פון זיין אנקומען קיין מאָסקווא איז ער געפאָהרען אבשטאטען א בעזוך דעם גענעראל־גובערנאטאָר. פערבייפאָהרענדיג דעם „גאזעטני פערעאולאק" האט ער דערהערט וויא אימיצער רופט איהם מיט'ן נאָמען מיט אזא הויכער און פרעהליכער שטימע, אז ער האט זיך ניט געקאָנט ניט אומקוקען. אויפ'ן ווינקעל פון טראטואר האט ער דערזעהען וויא עס שטעהט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש אין א ניי־מאָדנעם, קורצען מאַנטעל, דער הוט אויף א זייט, א פרעהליכער, א יונגער, א שיינענדער און שרייט און פּאָדערט אז ער זאָל זיך אָבשטעלען. ער האט זיך אָנגעהאַלטען פאר'ן פענסטער פון א קארעטע, וועלכע האט זיך אָבגעשטעלט און פון וואנען עס האט זיך ארויסגערוקט א פרויען־קאָפּ אין א זאמעטענע היטעלע און צוויי קינדערשע קעפּלעך, וועלכע האָבען מיט דיא הענדלעך גערופען און געשמייכעלט צום אָנקעל. דאָס איז געווען דאָלי מיט דיא קינדער.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט קיינעם ניט געוואָלט זעהען אין מאָס־קווא און וויניגער פון אלעמען זיין פרוים ברודער. ער האט א הויב געטאָהן זיין הוט און האט געוואָלט פערבייפאָהרען, אָבער סטעפּאַן ארקאדיעוויטש האט געהייסען זיין קוטשער אָבשטעלען זיך און איז געלאָפען צו איהם איבערן שנעע.

— נו, איז דאָס ניט א זינד פון דיר, גאָר ניט צו שיקען זאָגען אז דוא ביסט דאָ ! שוין לאנג ? איך בין געווען נעכטען אין האָטעל דיוסאָ, ערשט איך זעה אויפ'ן טאפעל : „קארענין," איז מיר גאָר אויפ'ן זינען ניט ארויף אז דאָס ביסט דוא ! — האט געזאָגט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש ארייננרוקענדיג זיך מיט'ן קאָפּ אין פענסטער פון קארענינס קארעטע — אז ניט וואָלט איך דיך בעזוכט. איך בין אזוי גערן דיך צו זעהען ! — האט ער געזאָגט, קלאפּענדיג

א פוס אַן א פוס אום אָבצוטרויסלען דעם שנעע פון זיי — וויא שעהמסט דוא זיך דאָס ניט גאָר ניט צו לאָזען וויסען ! — האָט ער אלץ ווידערהאָלט.

— איך האָב קיין צייט ניט געהאַט, איך בין זעהר בעשעפטיגט — האָט טרוקען געענטפערט אַלעקסיי אלעקסאנדראוויטש.

— קום זשע, לאָמיר צו געהן צו מיין פרוי, זיא וואָלט אזוי געהרען דיך זעהען.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט צועפענט דעם פלעד, אין וועלכען עס זיינען געווען איינגעוויקעלט זיינע קאַלטע פיס, און ארויסגעהענדיג פון קארעטע איז ער אין שנעע צוגעגאַנגען צו דאריא אלעקסאנדראָוונא.

— וואָס איז דאָס מיט אייך, אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, פאר וואָס זוכט איהר אונז אויסצומיידען ? — האָט געזאגט דאַללי שמייכלענדיג.

— איך בין געווען זעהר פערנומען. איך בין זעהר גערן אייך צו זעהען — האָט ער געזאָגט מיט א טאָן, וועלכער האָט קלאָהר געזאָגט, אז ער האָט דערפון פערדרוס — וואָס מאַכט איהר אין געזונד ?

— נו, וואָס מאַכט מיין ליעבע אננא ?

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט עפּעס א ברום געטאָהן און האָט געוועלט אוועקגעהען. אָבער סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט איהם אָבגעשטעלט.

— ווייסט וואָס מיר וועלען טאָהן מאָרגען ? דאַללי, לאַד איהם איין צו מיטאָג ! מיר וועלען איינלאדען קאָזנישאווען און פעסצאָווען און מיר וועלען איהם טראַקטירען מיט מאסקווער אינטעליגענץ.

— זאָלט איהר אזוי גוט זיין און קומען צו פאָהרען — האָט געזאָגט דאַללי — מיר וועלען אייך ערווארטען פינף אוהר, זאָל זיין זעקס, אויב איהר ווילט. וואָס זשע פאָרט מאַכט מיין ליעבע אננא ? וויא לאַנג...

— זיא איז געזונד — האָט פערוואָלקענט ארויסגעברומט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — איך בין זעהר גערן געווען אייך צו טרעפען ! — און ער איז אוועק צו זיין קארעטע.

— וועט איהר קומען ? — האָט איהם צוגעשריען דאַללי.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט עפּעס וואָס א מורמעל געטאָהן, וואָס דאַללי האָט ניט געקאָנט הערען איבער דעם רויש פון דיא פערבייפאָהרענדע עקיפּאזשען.

— איך וועל מאָרגען דיך בעזוכען ! — האָט איהם פון וויטען נאָכגעשריען סטעפאַן ארקאדיעוויטש.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך געזעצט אין קארעטע און האָט זיך אין איהר אזוי טיעף פערראָקט, אז ער זאָל קיינעם ניט זעהען און פון קיינעם ניט געזעהען ווערן.

— א זאָנדערבאַרער ! — האָט א זאָג געטאָהן סטעפאַן ארקאדיעוויטש צו זיין פרוי און א קוק טאָהנ'דיג אויפ'ן זייגער, האָט ער לעבען פּנים געמאַכט א בעוועגונג מיט'ן האנד, וואָס האָט בעדייטעט א צערטליכקייט פאר זיין פרוי און קינדער און איז בריה'שדיג אוועק איבערן טראטואר.

— סטיווא ! סטיווא ! — האָט צו איהם געשריען דאַללי רויט ווערענדיג.

ער האט זיך א קעהר געטאהן.

— איך דארף דאך קויפען א מאנטעלע פאר גרישען און א מאנטעל פאר טאניען. גיב מיר דאך געלד.

— נישט קשה, זאג אז איך וועל בעצאהלען. —און ער איז אוועק, א גרים טאהנ׳דיג פרעהלאך מיט׳ן קאפ א פערבייפאהרענדען בעקאנטען.

.7

אויף מארגען איז געווען זונטאג. סטעפאן ארקאדיעוויטש איז אריינגעפאהרען אין גרויסען טהעאטער, וואו עס איז געווען א רעפעטיציע פון באלעט און האט איבערגעגעבען דער טענצרין מאשא טשיביסאווא א בינטעל קארעלען, וואס ער האט איהר נעכטען פערשפראכען אלס א מתנה. טשיביסאווא איז געווען א יונגינקע טענצערין, וועלכע איז דורך זיין פראטעקציע ניט לאנג אנגעקומען אין גרויסען טהעאטער. זיא האט א שיין געטאהן פון דער מתנה. וואס זיא האט בעקומען און ער האט בעוויעזען אין דער דונקעלהייט פון הינטער דיא קוליסען א קוש צו טאהן איהר שיינענדען פנים׳על. אויסער דער מתנה האט ער נאך געדארפט מיט איהר אברייידען, וואו זיי זאלען זיך טרעפען נאך׳ן באלעט. ערקלעהרענדיג איהר, אז ער וועט ניט קאנען זיין צום אנפאנג פון באלעט, האט ער פערשפראכען, אז ער וועט קומען צום לעצטען אקט און וועט זיא פיהרען האבען מיט איהם אבענד־ברויט.

פון טהעאטער איז סטעפאן ארקאדיעוויטש אוועקגעפאהרען אין אכאטני ריאד, האט אליין אויסגעקליבען פיש פאר׳ן מיטאג און צוועלף אוהר איז ער שוין געווען אין האטעל דיורא, וואו ער האט געמוזט בעזוכען דרייען, וועלכע זיינען אויף זיין גליק איינגעשטאנען אין זעלבען האטעל: לעווינען, וועלכער איז ניט לאנג געקומען צו פאהרען פון אויסלאנד און האט זיך דא אבגעשטעלט; זיין נייעם נאטשאלניק, וועלכער איז ערשט אנגעקומען אויף זיין אמט און האט געמאכט א רעוויזיאן אין מאסקווא, און ביי זיין שוואגער קארענין, אום צו ברייגען איהם ניט אנדערש צו זיך אויף מיטאג.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט ליעב געהאט א גוטען מאהלצייט, האט אבער נאך מעהר ליעב געהאט צו פעראנשטאלטען א מאהלצייט, ניט קיין גרויסען, אבער דערפאר זעהר א געשמאקען, אויסגעוועהלטע מאכלים, אויסגעוועהלטע ווייינען און אויסגעוועהלטע געסט. דיא פראגראם פון היינטיגען מיטאג איז איהם זעהר געפעלען געווען: עס וועלען זיין לעבעדיגע פיש, איינפאכער בראטען און פאסענדע וויינען. און אלס געסט וועלן זיין קיטי און לעווין, און אום דאס זאל זיך ניט ווארפען אין דיא אויגען וועלען זיין איינגעלאדען נאך א קוזינע און דער יונגער שטשערבאצקי, און דערצו סערגיי קאזנישאוו און אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש —א פעטערבורגער און א פראקטישער טהוער. דערצו וועט ער נאך אויך א רוף טאהן פעכצאווען, דעם בעגייסטערטען ליבעראל, רעדנער, מוזיקער, וועלכער וועט זיין וויא א גוטער סאוס צו אזא געריכט וויא קאזנישאוו און קארענין. ער וועט זיי אנרעגען צום ריידען און שמועכען.

געלד פון דעם וואלד־הענדלער פאר דער צווייטער ראטה האט ער בעקומען און דאס געלד איז נאך ניט אין גאנצען אויסגעגעבען געווארען; דאללי איז

געווען זעהר ליעבליך און גוט אין דער לעצטער צייט; און דער געדאנק וועגען דעם דאזיגען מיטאג האט אין אלע הינזיכטען פערשאפט סטעפאן ארקאדיעוויטשען פרייד. ער איז געווען זעהר גוט אויפגעלייגט. עס זיינען אפילו געווען צוויי אומ־שטענדען, וואס זיינען געווען ניט גאר אנגענעהם; אבערביידע אומשטענדען זיי־נען פערטרונקען געווארען אין דעם גוטמוטהיגען ים, וועלכער האט זיך געכוואליעט אין סטעפאן ארקאדיעוויטשעס נשמה.

דיא דאזיגע צוויי אומשטענדען זיינען געווען: ערשטענס דאס, וואס נעכטען, ווען ער האט באגעגענט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, האט ער בעמערקט, אז ער פערהאלט זיך עפעס טרוקען און שטרייננ צו איהם, און פערבינדענדיג דאס מיט דעם אומשטאנד, וואס אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש איז צו איהם ניט אריינ־געפאהרען, און מיט דיא קלאנגען, וואס געהען ארום וועגען אננאן און ווראנסקי, האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געטראפען, אז צווישען מאן און פרוי איז עפעס ניט גלאט.

דאס איז געווען איין אונאנגענעהמליכקייט. דאס צווייטע אונאנגענעהמ־ליכקייט איז געווען, וואס דער נייער נאטשאלניק, וויא אלע נייע נאטשאלניקעס, האט שוין געהאט דיא רעפוטאציאן פון א שרעקליכען מענשען, וועלכער שטעהט אויף זעקס אוהר אין־דער־פריה, ארבייט וויא א פערד און פאדערט אזוי פיעל אר־בייט אויך פון זיינע אונטערגעארדענטע. א חוץ דעם האט דער נייער נאטשאלניק נאך געהאט א רעפוטאציע, אז ער איז עפעס א בער אין זיין בענעהמונג, און וויא ווייט דיא קלאנגען געהען וועגען איהם איז ער א מענש, וואס האט אקוראט פאר־קעהרטע אנשויאונגען פון דעם פריהערדיגען נאטשאלניק, וואס זיינען ביז איצט געווען אויך דיא אנשויאונגען פון סטעפאן ארקאדיעוויטש.

נעכטען איז סטעפאן ארקאדיעוויטש ערשיענען אויף זיין אמט אין מונ־דיר, און דער נייער נאטשאלניק איז געווען צו איהם זעהר פריינדליך און האט מיט איהם גערעדט וויא מיט א בעקאנטען; דארום האט סטעפאן ארקאדיעוויטש גע־רעכענט פאר זיין פפליכט אבצושטאטען איהם א וויזיט אין א ראק. דער גע־דאנק, אז דער נייער נאטשאלניק קאן איהם נאך ניט פריינדליך אויפנעהמען, דאס איז געווען דער צווייטער אונאנגענעהמער אומשטאנד.

אבער סטעפאן ארקאדיעוויטש האט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז אלעס וועט זיך א י נ א ר ד נ ע ן וויא עס דארף צו זיין. „אלע זיינען מענשען, אלע בשר־ודם׳ס, וויא מיר זינדיגע: איז וואס איז דא פאראן איבער וואס צו קריגען זיך?" האט ער געטראכט אריינקומענדיג אין האטעל.

— וויא געהט עס, וואסילי — האט ער א זאג געטאהן מיט זיין הוט אויף א זייט צום בעקאנטען לאקיי דורכגעהענדיג דעם קארידאר — דוא האסט געלאזט וואקסען באקענבארדען? לעווין — נומער 7, יא? צייג מיר, זיי אזוי גוט. און ערקונדיג זיך שוין, אויב גראף אניטשקין (דאס איז געווען זיין נייער נאטשאלניק) וועט אויפנעהמען?

— איך האָרך! — האט מיט א שמייכעל געענטפערט וואסילי — שוין לאנג האט איהר אונז ניט בעזוכט.

— איך בין ערשט נעכטען דא געווען, נור פון דעם אנדער צופאהר. איז

# אננא קאַרענינא

דאָס נומער 7 ?

לעווין איז געשטאַנען אין מיטען צימער מיט אַ פויער פון טווער און האָט מיט אַן ארשין געמאָסטען אַ פרישע בערעשע פעל, ווען סטעפאַן ארקאַדיעוויטש איז אריינגעקומען.

— אַ, געפאַנגען ? — האָט אַ געשריי געטאָהן סטעפאַן ארקאַדיעוויטש — אַ פּרעכטיגע שטיק ! אַ בערעטע ? וואָס מאַכסט דוא, ארכיפ ?

ער האָט אַ דריק געטאָהן דעם פויערס האַנד און האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטוהל, ניט אראָבנעהמענדיג זיין מאַנטעל און הוט.

— טוה זיך אויס, זיץ אַ ווײַלע ! — האָט אראָבנעהמענדיג פון איהם דיא הוט געזאָגט לעווין.

— ניין, איך האָב קיין צייט ניט, איך בין נור אויף איין זעקונדעלע — האָט געענטפערט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש. ער האָט צועפענט זיין מאַנטעל, אָבער צום סוף האָט ער איהם אויסגעטאָהן און איז אָבגעזעסען אַ גאַנצע שטונדע, ריי־דענדיג מיט לעווינען וועגען געיעג און וועגען פערשיעדענע הארציגע זאַכען — נו, זאָג דאָך מיר, וואָס האָסט דוא געטאָהן אין אויסלאַנד ? וואו ביסט דוא געווען ?

— האָט געפרעגט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש, ווען דער פויער איז ארויס.

—איך האָב פערבראַכט אין דייטשלאַנד, אין פּרייסען, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, אָבער ניט אין דיא הויפּט־שטעדט, נור אין דיא פאַבריק־שטעדט און האָב געזעהען פיעל נייעס. און בין געווען זעהר גערן, וואָס איך האָב געזעהען.

— יא, איך ווייס דאָך דיינע געדאַנקען וועגען איינאָרדנען דעם ארבייטער.

— עס הויבט זיך ניט אָן. אין רוסלאַנד קאָן ניט זיין קיין ארבייטער־פראַגע. אין רוסלאַנד איז דיא פראַגע וועגען דיא בעציהונגען פון ארבייטענדען פאָלק צו דער ערד. דאָרט איז אויך פאַראַן די פּראַגע, אָבער דאָרט איז דאָס אַ פראַגע פון פערריכטען דאָס וואָס איז שוין פערדאָרבען, און ביי אונז...

סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט אויפמערקזאַם צוגעהערט זיך צו לעווינען.

— יא, יא — האָט ער געזאָגט עס קאָן זעהר זיין, אַז דוא ביסט גע־רעכט. אָבער עס פרעהט מיך וואָס דוא ביסט אַזוי מונטער, וואָרום שטשערבאַצקי האָט מיר עפּעס דערצעהלט, אַז דוא ביסט פערטרויערט און דו רעדסט נור וועגען טויט...

— נו, איז וואָס? איך הער ניט אויף צו טראַכטען וועגען טויט — האָט געזאָגט לעווין — עס איז דאָך אמת, אַז עס איז באַלד צייט צו שטאַרבען און אַז דאָס אַלעס זיינען נאַרישקייטען. איך וועל דיר דעם אמת זאָגען : מיינע געדאַנקען און מיין ארבייט זיינען מיר זעהר טהייער, אָבער גיב אין אמת'ען אַ טראַכט וועגען דעם, אַז אונזער גאַנצע וועלט — דאָס איז דאָך אַ קליינינקער שימעל, וואָס איז אָנגעוואַקסען אויף אַ פּיצינקער פּלאַנעטע. און מיר טראַכטען, אַז ביי אונז באַקען זיך גרויסע געדאַנקען, גרויסע טהאַטען ! דאָס זיינען דאָך אַלץ זאַמד־קערענדלעך.

— אָבער, ברודער'ל, דאָס איז דאָך שוין אַלט, וויא דיא וועלט.

— אַלט, אָבער ווייסט דוא, ווען דוא פאַרשטעהסט דאָס קלאָהר דעמאָלט ווערט אַלעס אַזוי ניכטווירדיג. ווען דוא פאַרשטעהסט אַז היינט־מאָרגען וועסט

# אננא קארענינא

דוא שטארבען און קיין זאך וועט ניט בלייבען, קומט אויס אלעס אזוי אונווירדיג. איך רעכען פאר וויכטיג מיין געדאנק, און עס לאזט זיך אויס אז מיין געדאנק האט אויך אזוי קיין באטרעף ניט, ווען אפילו אז ער זאל אויסגעפיהרט ווערן וויא עס האט קיין באטרעף ניט פערבייגעהען דיא דאזיגע בערען־פעל. אזוי פארברייגגט מען דעם גאנצען לעבען אין געיעג, אין ארבייט, אום נור ניט צו טראכטען וועגען טויט.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט מילד געשמייכעלט, הערענדיג לעווינען.

— נו, פארשטעהט זיך, אט ביסט דוא געקומען צו מיר ; דוא געדיינקסט וויא דוא ביסט אויף מיר אנגעפאלען פאר וואס איך זוך הנאה צו האבען פון דער וועלט ? זיי ניט אזוי שטריינג, מאראליסט !...

— ניין, פון דעסטוועגען איז פאראן עפעס גוטעס אויך אין לעבען, און דאס גוטע איז דאס. . . — לעווין האט זיך פארפלאנטערט — אבער איך וויים ניט. איך וויים בלויז אז מיר וועלען אין גיכען שטארבען.

— פאר וואס עפעס אין גיכען ?

— ווייסט דוא, ווען מען טראכט וועגען טויט, דאן איז אין לעבען פאראן ווייניגער חן, אבער דערפאר פיהלט מען רוהיגער.

— גראד פארקעהרט. אבער מיר איז שוין צייט צו געהן — האט זיך אויפ־געהויבען צום צעהנטען מאהל סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— אבער ניין, זיץ דאך א ווײלע — האט געזאגט לעווין, איינהאלטענדיג איהם — ווען זשע וועלען מיר זיך איצט זעהען, איך פאהר דאך מארגען.

— איך בין אויך א גוטער ! איך בין דאך צוליעב דעם געקומען... ניט אנדערש וויא דוא מוזט מיט אונז היינט עסען מיטאג. דיין ברודער וועט ביי אונז זיין און מיין שוואגער, קארענין.

— איז ער דען דא אין מאסקווא ? — האט געזאגט לעווין און האט געוואלט א פרעג טאהן וועגען קיטי, אויב זיא וועט זיין. ער האט געהערט אז אין אנפאנג ווינטער איז זיא געווען אין פעטערסבורג ביי איהר שוועסטער, וועלכע איז געווען דיא פרוי פון א דיפלאמאט, און ער האט ניט געוואוסט צו זיא איז שוין געקומען פון דארט צוריק אדער ניט. ער האט אבער א טראכט געטאהן. „וועט זיא זיין ניט זיין — אלץ איינס."

— וועסט דוא קומען צו פאהרען ?

— נו, געוויס.

— אום פינף אוהר און אין א לאנגען ראק.

און סטעפאן ארקאדיעוויטש איז ארונטערגעגאנגען אונטען צום נייעם נאטשאלניק. סטעפאן ארקאדיעוויטשעס אינסטינקט האט איהם ניט גענארט. דער נייער שרעקליכער נאטשאלניק איז געווען א גאנץ אומגעגגליכער מענש און סטעפאן ארקאדיעוויטש האט מיט איהם צוזאמען געפריהשטיקט און האט זיך אזוי פערזעסען ביי איהם, אז ערשט א זייגער פיער איז איהם אויסגעקומען צו זיין ביי אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש.

## 8.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז געקומען אין־דער־פריה פון צערקווע און האָט פערבראכט ביי זיך אין צימער. דעם דאָזיגען אין־דער־פריה האָט ער געהאט צוויי זאכען צו טאָהן: ערשטענס אויפנעהמען און אויסריכטען דיא דע־פוטאציאָן פון פרעמדע געבאָרענע, וועלכע געפינט זיך איצט אין מאָסקווע אויף דעם וועג קיין פעטערסבורג; צווייטענס אָנשרייבען דעם אדוואָקאט דעם פער־שפּראָכענעם בריעף. דיא דעפּוטאציאָן, וועלכע איז אפילו ארויסגערופען געוואָרען דורך זיין אייגענער איניציאטיווע, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אויך עפּעס אונ־אנגענעהמעס, אונבעקוועמליכעס און זאָגאר עפּעס געפעהרליכעס פאר דער אויס־פיהרונג פון זיינע פּלענער, און אלעקסיי אלעקסאנדעראָוויטש האָט זיך זעהר גע־פרעהט, וואָס ער האָט דיא דעפּוטאציאָן נאָך געפונען אין מאָסקווע און ער וועט קאָנען זיא דאָ אויפנעהמען, ווארום דיא מיטגליעדער פון דער דעפּוטאציאָן האָ־בען ניט געהאט דעם מינדעסטען בעגריעף וועגען זייער ראָלע אין זייערע פפליכטען.

זיי האָבען נאאיוו געגלויבט, אז זייער אויפגאבע בעשטעהט דעריין, צו ערקלערען זייער נויט און דיא גאנצע לאגע, וויא זיא איז, בעטענדיג הילפע פון דער רעגיערונג און האָבען בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן, אז אייניגע פון זייערע פאָדערונגען און ערקלעהרונגען ווערען געשטיצט פון דער פיינדליכער פאר־טיי און אז איבער דעם מוז בעגראָבען ווערען דיא גאנצע אנגעלעגענהייט.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט מיט זיי לאנג זיך גע׳עסק׳ט, האָט זיי אָנגעשריבען א פּראָגראם, פאר וועלכער זיי מוזען זיך האַלטען, האָט אָנגע־שריבען בריעף קיין פעטערסבורג פון זייערט וועגען און האָט זיי אָבגעלאָזען. הויפּטזעכליך האָט דער דעפּוטאציאָן גדארפט אויסהעלפען אין פעטערסבורג דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא. אין דער א געלעגענהייט פון דעפּוטאציעס איז זיא געווען א ספּעציאַליכטקע, און קיינער האָט ניט געקענט אזוי אויסמוסטירען און אינסטרואירען א דעפּוטאציע אזוי וויא זיא; ווען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז פארטיג געוואָרען מיט דיא בריעף וועגען דער דעפּוטאציע, האָט ער אָנגע־שריבען אויך א בריעף צום אדוואָקאט. ער האָט איהם געגעבען דיא ערלויבניס צו האַנדלען וויא ער געפינט פאר נויטיג. ער האָט אין בריעף אַריינגעלייגט אויך דריי בריעף פון ווראָנסקין צו אננא׳ן, וועלכע ער האָט געפונען דאָן אין איהר פארטפעל.

ער האָט פערזיגעלט דעם קאָנווערט צום אדוואָקאט, ווען ער האָט דער־הערט דעם הויכען קול פון סטעפאן ארקאדיעוויטש. סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט געדאמפּערט זיך מיט אלעקסאנדראָוויטשעס לאקיי און איז געשטאנען ז׳ערויף, אז ער זאָל וועגען איהם מעלדען.

— אלץ איינס — האָט א טראכט געטאָהן אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש

— אזוי וועט נאָך זיין בעסער: איך וועל איהם גלייך ערקלעהרען דיא לאַגע און וועגען מיינע בעציהונגען צו זיין שוועסטער און וועל איהם ערקלערען פאַר וואָס איך קאָן ביי איהם צו מיטאג ניט זיין."

— בעט אריינקומען! — האָט ער אַ זאָג געטאָהן אין דער הויך, צונויפ־לייגענדיג דיא פאַפּיערען.

— היינט זעהסט דוא שוין, אַז דוא זאָגסט ליגען, און ער איז אין דער היים! — האָט סטעפּאַן ארקאדיעוויטשעס שטימע געהערט זיך ענטפערענדיג דעם לאַקיי, און אראָפּנעהמענדיג אין איין גאַנג זיין מאַנטעל, איז אבלאנסקי אריין אין צימער — נו, בין איך זעהר גערן וואָס איך האָב דיך געטראָפען אין דער היים. איך האָב אַלזאָ... האָט פרעהליך אָנגעהויבען סטעפּאַן ארקא־דיעוויטש. —

— איך קאָן ביי דיר ניט זיין — האָט קאַלט און שטעהענדיג, ניט בע־טענדיג דעם גאַסט זעצען זיך געענטפערט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

ער האָט געוואָלט גלייך אוועקשטעלען זיך אין יענע קאַלטע בעציהונגען, אין וועלכע ער דאַרף זיין מיט דעם ברודער פון זיין פרוי, געגען וועלכער ער האָט אָנגעהויבען אַ פּראָצעס אויסצואווירקען אַ גט; אָבער ער האָט ניט אויס־גערעכענט, אַז דער ים פון הארציגקייט וועט זיך אַזוי צוגיסען אין סטעפאַן ארקאדיעוויטשעס נשמה.

סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט ברייט צועפענט זיינע גלענצענדע קלאָהרע אויגען.

— פאַר וואָס קאָנסט דוא ניט? וואָס ווילכט דוא זאָגען? — האָט ער אָנגעהויבען אויף פראנצויזיש — ניין, דו האָסט דאָך פערשפּראָכען. און מיר אלע ערוואַרטען אַז דו וועסט קומען.

— איך וויל זאָגען, אַז איך קאָן ביי אייך ניט זיין, ווייל יענע פער־וואנדשאַפטליכע בעציהונגען, וועלכע זיינען געווען צווישען אונז, מוזען אויפ־הערען.

— וויא? דאָס הייסט וואָס־זשע? פאַר וואָס? — האָט מיט אַ שמייכעל אַ זאָג געטאָהן סטעפאַן ארקאדיעוויטש.

— דערפאַר ווייל איך האָב אָנגעהויבען אַ פּראָצעס פאַר אָב'גט'ן אייער שוועסטער, מיין פרוי. איך האָב געמוזט...

אָבער אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט נאָך ניט צייט געהאַט צו ענדיגען זיין רעדע, וויא סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט געהאַנדעלט שוין גאָר ניט אַזוי וויא ער האָט ערוואַרט. סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט אַ קרעכץ געטאָהן און האָט זיך אוועקגעזעצט אין פאָטעל.

— ניין, אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, וואָס רעדסט דו! — האָט אַ גע־שריי געטאָהן אבלאנסקי, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט יסורים.

— יאָ, אַזוי איז עס.

— ענטשולדיג מיר, איך קאָן ניט און קאָן ניט גלויבען...

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך געזעצט, פיהלענדיג אַז זיינע ווערטער האָבען ניט געהאַט דיא ווירקונג, וועלכע ער האָט ערוואַרט, און אַז איהם וועט אונפערמיידליך נויטיג זיין צו מאַכען ערקלעהרונגען, און אַז וועלכע

ערקלעהרונגען ער זאָל ניט מאַכען, וועלען זיינע בעציהונגען צו זיין שוואָגער בלייבען דיזעלביגע.

— יא, איך בין אוועקגעשטעלט געוואָרען אין דער שווערער לאַגע צו פאָדערען א גט — האָט ער געזאָגט.

— איך וועל איין זאך זאָגען, אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש. איך קען דיך פאר א פרעכטיגען, אָרדענטליכען מענשען, איך קען אננא'ן — ענטשולדיג מיר, איך קאָן וועגען איהר ניט בייטען מיין מיינונג — איך קען זיא פאר א פרעכטיגער, בראַווער פרויענצימער, און דארום, ענטשולדיג מיר, איך קאָן אזא זאך ניט גלויבען. דאָ מוז עפּעס זיין א מיספערשטענדניס — האָט ער געזאָגט.

— יא, ווען דאָס וואָלט-זיין בלויז א מיספערשטענדניס.

— ערלויב נור, איך פערשטעה — האָט איהם איבערגעשלאָגען סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש — אָבער פערשטעהט זיך... איין זאך: מען דארף זיך ניט איילען. מען דארף ניט, מען דארף ניט איילען זיך!

— איך האָב זיך ניט געאיילט — האָט קאַלט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — און בעראַטהען זיך אין אזעלכע אנגעלעגענהייט טאָר מען מיט קיינעם ניט. איך האָב פעסט בעשלאָסען.

— דאָס איז דאך שרעקליך! — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש שווער זיפצענדיג — איך וואָלט בלויז איינס געטאָהן אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, און איך בעט דיך אויך טאָהן אזוי. דער פּראָצעס איז דאך נאָך ניט אָנגעפאַנגען, וויא איך פארשטעה. איידער דו הויבסט וואָס אָן, זעה זיך מיט מיין פרוי, רייד זיך מיט איהר דורך. זיא ליעבט אננא'ן וויא א לייבליכע שוועסטער, זיא ליעבט דיך און זיא איז א וואונדערליכע פערזאָן. אום גאָטעס ווילען, רייד זיך מיט איהר דורך! טהו מיר דיא פריינדשאפט, איך בעט דיך!

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך פערטראַכט און סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט אויף איהם געקוקט מיטליידיג, ניט איבעררייסענדיג זיין שווייגען.

— וועסט דו אריבערפאָהרען צו איהר?

— איך ווייס ווירקליך ניט. איך האָב דעריבער אייך ניט בעזוכט. איך רעכען, אז אונזערע בעציהונגען מוזען זיך ענדערן.

— פאַר וואָס? איך זעה דאָס ניט איין. ערלויב מיר צו דיינקען אז אויסער אונזערע בעציהונגען אלס פערוואַנדטע, פיהלסט דוא צו מיר, לכל הפחות טהיילווייז, יענע פריינדליכקייט, וועלכע איך פיהל אימער צו דיר... און אמת'ן רעספעקט — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש דריקענדיג דיא האַנד — ווען אפילו דיינע ערגסטע סברות וואָלטען געוועזען גערעכט, נעהם איך זיך ניט אונטער און וועל זיך קיין מאָהל ניט אונטערנעהמען צו אורטהיילען איין צד אָדער דעם אַנדערען און איך זעה ניט קיין אורזאַכע, פאַר וואָס אונזערע בעציהונגען דארפען זיך ענדערען. אָבער איצט, טהו דאָס, קום צופאָהרען צו דער פרוי.

— נו, מיר קוקען פערשיעדען אויף דער זאך — האָט קאַלט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — איבעריגענס, לאָמיר וועגען דעם ניט ריידען.

— ניין, פאַר וואָס-זשע זאָלסט דוא ניט קומען אפילו היינט צו מיטאג? מיין פרוי וואַרט אויף דיר. איך בעט דיך, קום צופאָהרען. און הויפּטזעכליך:

רייד זיך דורך מיט איהר. זיא איז א וואונדערליכע פראווינציאלקע. אום גאָטעס ווילען, אויף דיא קניע בעט איך דיך!

— אויב איהר ווילט דאָס אזוי שטארק, וועל איך קומען — האָט געזאָגט א זיפץ טאָהנ׳דיג אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

און וועלענדיג ענדערען דעם געשפרעך, האָט ער א פרעג געטאָהן וועגען דעם וואָס זיי ביידען האָט אינטערעסירט: וועגען סטעפאַן ארקאדיעוויטשעס נייעם נאטשאלניק, וועלכער איז נאָך גאָר א יונגער מענש און איז שוין פּלוצלונג ערהויבען געוואָרען צו אזא אמט.

— נו וואָס, האָסט דוא איהם געזעהען? — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש מיט א גיפטיגען שמייכעל.

— וויא דען? ער איז דאָך נעכטען געוועזען ביי אינז אין קאנצעלאריע. ער פארשטעהט דוכט זיך זיין זאך זעהר גוט און איז זעהר טהעטיג.

— יא, אָבער אויף וואָס איז אָנגעווענדעט זיין טהעטיגקייט? — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — צו דערויף עפּעס איפּצוארבייטען אָדער איבערארבייטען דאָס וואָס איז שוין אויסגעארבייט געוואָרען. דאָס אונגליק פון אונזער רעגיערונג איז דיא פּאפּיערענע אדמיניסטראציאָן, פון וועלכע ער איז א ווירדיגער פאָרשטעהער.

— ווירקליך איך וויים ניט, וואָס אין איהם קאָן אימיצען ניט געפעלען זיין. זיין ריכטונג וויים איך ניט, אָבער איין זאך וויים איך, ער איז א גוטער יונג — האָט געענטפערט סטעפאַן ארקאדיעוויטש — איך בין ביי איהם נור־וואָס געוועזען און ווירקליך, ער איז א וואוילער יונג. מיר האָבען געהאט צוזאמען פריהשטיק, און איך האָב איהם אויסגעלערענט מאכען — ווייסט דאָך דעם דאָזיגען געטראנק — וויין מיט אפּעלסינעס. דאָס מאכט פיהלען קיהלער. א וואונדער, אז ער האָט דערפון גאָר ניט געוואוסט. איהם איז דאָס זעהר געפעלען געוואָרען. ניין, ווירקליך, ער איז א וואוילער יונג.

סטעפאַן ארקאדיעוויטש האָט א קוק געטאָהן אויפ׳ן זייגער.

— אך, טאטעלעך, שוין דיא פינפטע שטונדע און איך דארף נאָך זיין ביי דאָלגאָוואושינען! איך בעט דיך, קום דאָך צופאָהרען. דוא קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלען, וויפיעל עגמת נפש דוא וועסט אָנמאכען מיר אי׳ן דער פרוי.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט בעגלייט דעם שוואָגער שוין ניט אזוי וויא ער האָט איהם בעגעגענט.

— איך האָב פערשפּראָכען און וועל קומען — האָט ער געענטפערט.

— גלויב מיר, אז איך שעץ דאָס און איך האָף אז דוא וועסט קיין חרטה ניט האָבען — האָט געענטפערט שמייכלענדיג סטעפאַן ארקאדיעוויטש.

און ארויפציהענדיג אויף זיך דעם מאנטעל אין געהן, האָט ער מיט דער האנד פערצעפּעט דעם לאקיים קאפּ, האָט זיך צולאכט און איז ארויס.

— פינף א זייגער און אין לאנגען ראָק, ביטע! — האָט ער א געשריי געטאָהן נאָך אמאָל א קעהר טאָהנ׳דיג זיך צו דער טהיר.

## 9.

עס איז שוין געווען באלד זעקס א זייגער, און עטליכע געסט זיינען שוין געקומען צופאהרען, ווען דער בעל־הבית אליין איז ערשט געקומען. ער איז אריינגעקומען צוזאמען מיט סערגיי איוואנאוויטש קאזנישאוו און מיט פעסצאווען, וועלכע האבען זיך אין דערזעלבער צייט אנגעשטויסען איינער אן דעם אנדערען ביים צופאהר צום הויז.

דאס זיינען געווען דיא צוויי הויפט־פארשטעהער פון דער מאסקווער אינטעליגענץ, וויא אבלאנסקי האט זיי אנגערופען.ביידע זיינען געווען מענשען, וועלכע מען האט רעספעקטירט פאר זייער כאראקטער און פאר זייער שכל. זיי האבען אויך איינער דעם צווייטען רעספעקטירט, אבער זיינען כמעט אין קיין זאך ניט געווען איינפערשטאנען איינער מיט'ן צווייטען — ניט דערפאר, ווייל זיי זאלען בעלאנגען צו געגענגעזעצטע ריכטונגען, נור גראד דערפאר וואס זיי האבען ביידע בעלאנגט צו דעמזעלבען, אבער אין דעם דאזיגען לאגער האט יעדערער געהאט זיין שאטירונג. און אזוי וויא עס איז נאך ניטא קיין איין זאך, וואס זאל אזוי אונפעהיג זייט צו איינשטימונג, וויא דיא פערשיעדענע ארטען דיינקען אין האלב־רוחניות'דיגע ענינים, דארום זיינען זיי ניט נור קיין מאל ניט געווען איינשטימיג איינער מיט'ן צווייטען, נור זיינען געוועהנט געווארען שוין פון לאנג אהן כעס א לאך צו טאהן, יעדערער פון דעם צווייטענס אונפעהיגקייט פאר פערבעסערונג.

זיי זיינען אריין אין טהיר, ריידענדיג וועגען וועטער, ווען סטעפאן ארקאדיעוויטש האט זיי אנגעיאגט. אין גאסט־צימער זיינען שוין געזעסען פירסט אלעקסאנדר דמיטריעוויטש אבלאנסקי, דער יונגער שטשערבאצקי, טוראווצין, קיטי און קארענין.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט גלייך טאקע דערזעהען, אז אין גאסט־צימער געהט עס צו זעהר שוואך אהן איהם. דאריא אלעקסאנדראווגא, אין איהר פאראדנע, גרויע, זיידענע קלייד, א פערזארגטע, וויא עס שיינט, וועגען דיא קינדער, וואס זיי דארפען עסען אליין, בעזונדער אין קינדער צימער, און וועגען דעם וואס דער מאן איז נאך ניטא, האט ניט געקאנט אהן איהם גוט צוצומישען דיא דאזיגע געזעלשאפט. אלע זיינען געזעסען וויא רביצינ'ס צו־גאסט (וויא עס פלעגט זיך אויסדריקען דער אלטער פירסט) וויא זיי וואלטען ניט פארשטעהן נאך וואס זיינען זיי אהער געקומען און ארויסקוועטשענדיג ווערטער, כדי ניט צו שווייגען.

דער גוטהערציגער טוראווצין, וויא עס האט געשיינט, האט זיך געפיהלט עפעס ניט אין זיין קרייז און דער שמייכעל פון זיינע גראבע ליפען, מיט וועלכע ער האט בעגעגענט סטעפאן ארקאדיעוויטשען האט גערעדט וויא מיט ווערטער: „נו, ברודער'ל, האסט מיך אוועקגעזעצט מיט חכמים! אט ווען עס זאל קומען אויסצוטרינקען און אין שאטא־דע־פלער — דאס איז א פאסיגע זאך פאר מיר“.

דער אלטער פירסט איז געזעסען שווייגעדיג און האט פון ז׳ער זייט געקוקט מיט זיינע גלאנציגע אויגלעך אויף קארענינען, און סטעפאן ארקאדיעוויטש האט פערשטאנען, אז ער האט שוין צוגעטראכט עפעס א ווערטעל, מיט וועלכען עס זאל זיין אבגעשטעמפעלט דער דאזיגער שטאאטסמאן, פאר וועלכען מען רופט צוזאמען געסט וויא פאר א זעלטענעם פיש־כ׳אכל.

קיטי האט געקוקט צו דער טהיר, צונויפנעהמענדיג זיך מיט קרעפטען ניט רויט צו ווערען, ווען קאנסטאנטין לעווין וועט אריינקומען. דער יונגער שטשערבאצקי, וועלכען מען האט פאר קארענינען ניט פארגעשטעלט, האט זיך געסטארעוועט צו ווייזען, אז דאס שטעלט איהם ניט אין קיין פערלעגענהייט. קארענין אליין איז, לויט פעטערסבורגער געוועהנהייט אויף א מיטאג מיט דאמען, געווען אין א פראק און מיט א ווייסען האלזטוך, און סטעפאן ארקאדיעוויטש האט פערשטאנען פון זיין פנים, אז ער איז געקומען צופאהרען בלויז צו האלטען זיין פערשפרעכען, און אז זייענדיג אנוועזענד אין דער דאזיגע׳ געזעלשאפט ערפילט ער א שווערען חוב. ער איז דאס געווען דער הויפט־שולדיגער אין דער קאלטקייט, וועלכע האט פערפרוירען אלע געסט ביז סטעפאן ארקאדיעוויטשעס אנקומען.

אריינקומענדיג אין זאל, האט סטעפאן ארקאדיעוייטש זיך ענטשולדיגט און האט ערקלעהרט, אז איהם האט פערהאלטען יענער פירסט, וועלכער איז אלע מאל געווען דער שעיר לעזאזל, ווען סטעפאן ארקאדיעוויטש האט זיך נור פערשפעטיגט. און ער האט אין איין מינוט שוין אלעמען בעקאנט געמאכט איינעם מיט׳ן צווייטען און, צונויפפיהרענדיג אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשען מיט סערגיי קאזנישאווען, האט ער זיי גלייך אונטערגעלאזען א טהעמע וועגען דער רוססיפיצירונג פון פוילען, פאר וואס זיי האבען זיך גלייך ביידע אנגעכאפט צוזאמען מיט פעסצאווען. טוראווצינען האט ער א פאטש געטאהן אויפ׳ן פלייצע, האט איהם אריינגעראמט אויפ׳ן אויער עפעס שפאסהאפטעס און האט איהם אוועקגעזעצט לעבען זיין פרוי און לעבען דעם פירסט. דערנאך האט ער א זאג געטאהן קיטין וויא שעהן זיא איז היינט און האט בעקאנט געמאכט שטשערבאצקין מיט קארענינען.

אין איין מינוט האט ער אזוי דורכגעקנאטען דיא דאזיגע געזעלשאפטליכע טייג, אז עס איז געווען א תענוג אין גאסט־צימער, און דיא שטימען האבען פרעהליך געקלונגען. בלויז קאנסטאנטין לעווין האט געפעהלט. אבער דאס איז געווען צו גוטען, ווארום אריינגעהענדיג אין עסס־צימער, האט סטעפאן ארקאדיעוויטש צו זיין שרעק דערזעהען, אז דער הערעס און פארטוויין זיינען גענומען געווארען ביי דעפרע און ניט ביי לעווע, און הייסענדיג אז דער קוטשער זאל גלייך אריבערפאהרען צו לעווע, איז ער געגאנגען צוריק אין זאל.

דורכגעהענדיג דעם עסס־צימער האט ער בעגעגענט קאנסטאנטין לעווין.

— איך האב ניט פארשפעטיגט?

— קאן דאס דען מיט דיר פאסירען, אז דו זאלסט ניט פארשפעטיגען?

— און ער האט גענומען לעווינען אונטער׳ן ארעם.

— זיינען ביי דיר פיעל מענשען? ווער און ווער? — האט געפרעגט לעווין רויט ווערענדיג געגען זיין אייגענעם ווילען און האט אראבגעשארט מיט

זיינע האנדשוה דיא שנעע פון זיין היטעל.

— אלע זיינען דא איינגע. קיטי איז דא. קום, איך וועל דיך בעקענען מיט קארענינען.

ניט קוקענדיג אויף זיין ליבעראליטעט האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געוואוסט, אז בעקאנט ווערן מיט קארענינען קאן ניט זיין ניט אנגענעהם און דערום האט ער דערמיט טראקטירט זיינע בעסטע גוטע פריינד. אבער אין דער דאזיגער מינוט איז קאנסטאנטין לעווין ניט אים שטאנד געווען צו פיהלען דעם גאנצען פארגעניגען פון אזא בעקאנטשאפט. ער האט קיטי'ן ניט געזעהען זינט יענעם אבענד, וועלכען ער האט ניט געקאנט פארגעסען, יענעם אבענד, אין וועלכען ער האט בעגעגענט ווראנסקין, אויב מען זאל ניט רעכענען דעם פאל ווען ער האט זיא בעגעגענט אויפ'ן וועג פערבייפאהרענדיג אין קארעטע. ער האט ביי זיך אין הארצען געפיהלט, אז ער וועט זיא בעגעגענען דא היינט. אבר ער האט זיך אליין געוועלט איינשמועסען, אז ער וויים דערפון ניט. איצט, ווען ער האט דערהערט, אז זיא איז דא, האט ער פלוצלונג דערפיהלט אזא פרייד און אין דערזעלבער צייט אזא פחד, אז איהם האט פערכאפט דער אטהעם און ער האט ניט געקאנט אויסריידען, וואס ער האט געוואלט זאגען:

„וויא איז זיא איצט, א וועלכע? אזא, וויא זיא איז פריהער געווען? אדער זיא איז אזא וויא זיא איז געווען אין קארעטע? וואס, אויב דאריא אלעקסאנדראוונא האט אן אמת געזאגט? און פארוואס זאל ניט קאנען זיין, אז דאס איז אן אמת?" — האט ער א טראכט געטאהן.

— אך, זיי אזוי גוט בעקאן מיך מיט קארענינען — האט ער קוים ארויסגערעדט און איז מיט א פערצווייפעלט־ענטשלאסענעם טראט אריין אין גאסטצימער און האט זיא דערזעהען.

זיא איז געווען ניט אזא, וויא פריהער און ניט אזא וויא זיא איז געווען אין קארעטע — זיא איז געווען אין גאנצען אן אנדערע.

זיא איז געווען א צושראקענע, א שעהמעוודיגע, אן אראבגעפאלענע ביי זיך און דארום נאך פרעכטיגער. זיא האט איהם דערזעהען אין יענעם אויגענבליק, ווען ער איז אריין אין צימער. זיא האט איהם ערווארט. זיא האט זיך דערפרעהט און האט זיך צומישט אזוי פון איהר פרייד, אז עס איז געווען א מינוט, און טאקע דיא מינוט, ווען ער איז צוגעגאנגען צו דער ווירטהין און האט דערווייל נאך אמאל אויף איהר א קוק געטאהן, ווען זיי האט זיך אלעמען געדוכט איהם, דאללין און איהר אליין אז אט־אט וועט זיא דאס ניט אויסהאלטען און וועט זיך צואווייגען. זיא איז רויט געווארען, בלייך געווארען, איז וויעדער רויט געווארען און איז וויא פערשטארבען, קוים צוקענדיג מיט דיא ליפען, ווען זיא האט ערווארט זיין צוקומען. ער איז צוגעגאנגען צו איהר, האט זיך פערנייגט און האט שטומערהייט דערלאנגט איהר דיא האנד. ווען ניט דער לייכטער ציטער אין דיא ליפען און דיא פייכטקייט אין דיא אויגען און דער פערגרעסערטער גלאנץ פון איהרע אויגען, איז איהר שמייכעל געווען כמעט רוהיג, ווען זיא האט געזאגט:

— וויא לאנג מיר האבען זיך ניט געזעהען! — און זיא האט מיט פערצווייפעלטער ענטשלאסענהייט א דריק געטאהן מיט איהר קאלטער האנד זיין

# אננא קארענינא

האנד.

— איהר האָט מיך ניט געזעהען, אָבער איך האָב אייך געזעהען — האָט געזאָגט לעווין, שיינענדיג מיט א שמייכעל פון גליק — איך האָב אייך געזעהען, ווען איהר זייט פון אייזענבאהן געפאָהרען קיין יערגושאַווא.

— ווען? האָט זיא געפרעגט א פערוואונדערטע.

— איהר זייט געפאָהרען קיין יערגושאווא — האָט געזאָגט לעווין פיהלענדיג, אז דער אטהעם פערכאפּט איהם פון גליק, וועלכער האָט זיך צוגאָסען ביי איהם אין הארצען „און וויא האָב איך געקאָנט גאָר פערבינדען וועלכען ניט איז גרדאנק וועגען ניט אונשולדיגעס מיט דעם דאָזיגען רידרערדען וועזען! און יא, עס איז דוכט זיך אמת, וואָס דאריא אלעקסאנדראוונא האָט געזאָגט" — האָט ער א טראכט געטאָהן.

סטעפּאן ארקאדיעוויטש האָט איהם א נעהם געטאָהן ביי דער האנד און האָט איהם צוגעפיהרט צו קארענינען.

— ערלויבט אייך בעקאנט צו מאכען. — און ער האָט אָנגערופען דיא נעמען.

— זעהר אַנגענעהם ווידער צו טרעפען זיך — האָט קאלט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, א דריקי טאָהן'ענדיג לעווינס האנד.

— איהר זייט בעקאנט? האָט א פערוואונדערטער געפרעגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש.

— מיר האָבען פערבראכט צוזאמען דריי שטונדען אין וואגאָן — האָט מיט א שמייכעל געזאָגט לעווין — אָבער זיינען ארויס וויא פון א מאסקאראד, פאראינטריגירטע — ווייניגסטענס איך.

— אזוי גאָר! ביטטע, ביטטע — האָט געזאָגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש אָנווייזענדיג דעם וועג צום עסס־צימער.

דיא מאנסלייט זיינען אריין אין עסס־צימער און זיינען צוגעגאנגען צום טיש מיט צובייסען, אויף וועלכען עס זיינען געווען אָנגעשטעלט זעקס זאָרטען שנאפּס און אויך אזוי פיעל סאָרטען קעזען מיט זילבערנע לאָפּעטקעלעך, מיט איקרא, מיט הערינג, מיט קאָנסערוועו פון אלערליי מינים און מיט טעלער אָנגעשניטענע פראנצויזישע ברויט.

דיא מאנסלייט זיינען געשטאנען לעבען דיא שמעקענדע געטראנקען און צובייסען און דער שמועס וועגען רוססאפיצירען פּוילען איז צווישען קאזנישאווען און פּאסצעווען איינגעשטילט געוואָרען ערווארטענדיג דעם מיטאג.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט געוועזען געוויזען, אז דיא רוססאפיצירונג פון פּוילען קאָן געמאכט ווערען נור אלס פאָלגע פון העכערע פּרינציפּען, וועלכע דארפען זיין ארייגגעטראָגען פון דער רוסישער אדמיניסטראציאָן.

פּעסצאוו איז געשטאנען דערויף, אז איין פאָלק אסימילירט בלויז דאן אן אנדער פאָלק אין זיך, ווען ער איז געדיכטער בעפעלקערט אלס יענעס פאָלק.

קאזנישאָוו האָט אָנגעמערקט אי דאָס ערשטע אי דאָס צווייטע, אָבער מיט בעשריינקונגען. ווען זיי זיינען אָבער ארויס פון גאסט־צימער, האָט קאזנישאוו אום צו שליסען דעם געשפּרעך, געזאָגט מיט א שמייכעל:

# א נ נ א   ק א ר ע נ י נ א

— דארום איז פאראן איין מיטעל פאר דער רוטסאפיצירונג פון דיא פרעמד־געבאָרענע—אויספיהרען וואָס מעהר קינדער. דעריין ווירקען מיר, איך מיט׳ן ברודער, ערגער פון אלעמען. און איהר, מיינע הערען, זייט פרהייראטע מענשען, בעזאָנדערנס איהר סטעפאן ארקאדיעוויטש, ווירקט אין דער הינזיכט זעהר פאטריאָטיש; וויפיעל האָט איהר? — האָט ער זיך א ווענד געטאָהן, צערטליך שמייכלענדיג צום ווירטה און אונטערשטעלענדיג איהם א פיצינקע גלעזעלע.

אלע האָבען זיך צולאכט און בעזונדער פרעהליך האָט זיך צולאכט סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— יא, דאָס איז דער בעסטער מיטעל! — האָט ער געזאָגט צוקייענדיג א שטיקעל קעז און אָנגיסענדיג עפּעס א בעזונדער זאָרט שנאפּס אין דער אונטערגע־שטעלטער גלעזעל. דער שמועס האָט זיך ווירקליך געענדיגט מיט א וויץ.

— דער קעז איז ניט שלעכט. ווילט איהר? — האָט געזאָגט דער בעל־הבית — האָסט דוא ווידער בעשעפטיגט זיך מיט גימנאסטיק? — האָט ער זיך א ווענד געטאָהן צו לעווינען, אָנטאפּענדיג מיט דער לינקער האנד זיינע מוסקו־לען. לעווין האָט א שמייכעל געטאָהן, האָט אָנגעהארטעוועט זיין ארעם און אונטער סטעפאן ארקאדיעוויטשעס האנד האָט זיך אויפגעהויבען א שטאָלענער בערגעל פון אונטער דער דינער געוואנט פון ראָק, וויא א רונדער קעז.

— אָט איז א גבורה! שמשון!

— איך רעכען, אז מען דארף האָבען א היבשע ביסעל כח פאר בערענ־יאגד — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, וועלכער האָט געהאט זעהר א דונקעלן בעגריף וועגען געיעג, אנשמירענדיג קעז מיט א שטיקעל דינענקען ברויט.

לעווין האָט א שמייכעל געטאָהן.

— קיין כח. פארקעהרט, א קינד וואָלט געקאָנט טויטען א בער — האָט ער געזאָגט, אָבטרעטענדיג מיט א לייכטער פערנייגונג פון דיא דאמען, וועלכע זיינען מיט דער בעל־הבית׳טע געגאנגען צום טיש, וואו עס איז געשטאנען דאָס צובייסען.

— איהר האָט דערשאָסען א בער, האָט מען מיר געזאָגט? — האָט גע־זאָגט קיטי, אומזיסט בעמיהענדיג זיך אונטערצוכאפּען מיט׳ן גאָפּעל א פער־עקשן׳טען שוועמעל, וועלכער האָט זיך אלץ אראָבגעגליטשט און א טרויסעל טאָהן־ענדיג מיט דיא שפּיצען פון ארבעל, דורך וועלכע עס האָט זיך געזעהען איהר ווייסע האנד — זיינען ביי אייך דען פאראן בערען? — האָט זיא צוגעלייגט, א קעהר טאָהן׳דיג צו איהם איהר חנ׳עוודיגען קעפּיל און שמייכלענדיג.

עס איז דוכט זיך קיין אויסערגעוועהנליכעס ניט געווען אין דעם וואָס זיא האָט געזאָגט, אָבער וואָס פאר א בעדייטונג, וועלכע מען קאָן מיט ווערטער ניט אויסדריקען, איז פאר איהם געוועזען אין איהר יעדען קלאנג, אין יעדער בעוועגונג פון איהרע ליפּען, אויגען, הענד, ווען זיא האָט גערעדט דאָס דאָזיגע! דאָ איז געוועזען אי געבעט וועגען פערצייהונג, אי פערטרויען צו איהם, אי ליעבע צו איהם, אי צערטליכקייט, ווייכע, בעשיידענע צערטליכקייט, אי פאַרשפּרעכונג, אי האָפענונג, אי ליעבע צו איהם, אין וועלכער ער האָט זיך געקאָנט ניט גלויבען און וועלכע

האָט איהם געשטיקט מיט גליק.

— ניין, מיר זיינען געפאָהרען אין טווערער גובערניע. אומקעהרענדיג זיך פון דאָרט, האָב איך זיך אין וואַגאָן געטראָפּען מיט אייער שוואָגערס שוואָגער — האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל — דאָס איז געווען א קאָמישע בעגעגעניש.

און ער האָט מונטער און אינטערעסאנט דערצעהלט ווי אזוי ער, ניט שלאָפענדיג די גאנצע נאַכט, איז אן אָנגעטאָהענער אין א פעלצ אריין אין אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשעס אָבטיילונג פון וואַגאָן.

— דער קאָנדוקטאָר, אקוראט פערקעהרט פון דעם שפּריכוואָרט : לויט די קליידער בעגעגענט מען, לויט דעם שכל בעגלייט מען, האָט געוואָלט ארויסבעגלייטען מיך לויט די קליידער ; אָבער דאָ האָב איך אָנגעהייבען ריידען אויף א געלעהרענטען אופן, און... איהר אויך — האָט ער געזאָגט ווענדענדיג זיך צו קאַרענינען און פערגעסענדיג זיין נאָמען — איהר האָט אויך פריהער, זעהענדיג א פעלץ געוועלט מיך ארויסיאָגען, אָבער דערנאָך האָט איהר זיך איינגעשטעלט, פאר וואָס איך בין אייך זעהר דאנקבאר.

— אין אלגעמיין זיינען די רעכטע פון פּאסאזשירען אויף אויסצוקלייבען א פּלאַץ זעהר אונבעשטימט — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש אָבווישענדיג מיט'ן טיכעל די ברעגען פון זיינע פינגער.

— איך האָב געזעהען אז איהר זייט געווען אונענטשלאָסען וועגען מיר — האָט גוטמוטהיג שמייכלענדיג געזאָגט לעווין — אָבער איך האָב זיך צוגעאיילט אָנצוהויבען א קלוגען געשפּרעך, כדי צו פארגלעטען מיין פעלץ.

סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַלטען אין געשפּרעך מיט דער בעל־הבית'טע און האָט בלויז מיט איין אויער צוגעהערט זיך צום ברודער'ס רייד, האָט אויף איהם זייטיג א קוק געטאָהן. „וואָס איז דאָס מיט איהם היינט? עפּעס גאָר ווי א זיעגרייכער העלד", האָט ער א טראכט געטאָהן. ער האָט ניט געוואוסט, אז לעווין האָט דערפיהלט, אז ביי איהם זיינען אויסגעוואקסען פליגלען. לעווין האָט געוואוסט, אז זי הערט זיינע ווערטער און אז איהר איז אנגענעהם צו הערען איהם. און בלויז דאָס אליין האָט איהם אינטערעסירט. ניט נור אין דעם צימער, נור אין דער גאנצער וועלט האָט פאר איהם איצט מעהר ניט עקזיסטירט ווי ער, וועלכער האָט ביי זיך אליין בעקומען א מורא'דיגע בעדייטונג און וויכטיגקייט, און זי. ער האָט געפיהלט, ווי ער וואָלט ארויפגעשטייגט אזוי הויך, אז אין קאָפּ מוז אָנהויבען שווינדלען, און אז דאָרט ערגעץ אונטען, ווייט זיינען געוועזן די אלע גוטע, וואוילע אבלאנסקעס, קארענינס, און די גאנצע וועלט.

גאנץ אונבעמערקט, ניט קוקענדיג אויף זיי, נור אזוי סתם, צופעליג, ווי עס וואָלט ניט געווען קיין פּלאַץ שוין מעהר וואו זיי אנדערש אוועקצוזעצען, האָט סטעפּאן ארקאדיעוויטש אוועקגעזעצט לעווינען און קיטין איינע לעבען די אנדערע.

— נו, זעץ זיך, זאָל זיין אהער — האָט ער געזאָגט לעווינען.

דער מיטאג איז געווען פונקט אזוי גוט ווי דאָס געשיר, אויף וואָס סטעפּאן ארקאדיעוויטש איז געווען זעהר א בעלן. די זופּ מארי לואיז האָט זיך זעהר איינגעגעבען ; די קליינע פּיראזשקעס, וואָס צוגעהן אליין אין מויל, זיינען געווע!

א מחיה. צוויי לאקייען און מאטוויי אין ווייסע האלזטוכער האבען געסארוועוועט די געריכטען און דעם וויין אונבעמערקט, שטיל און אלעס צוגעפאסט. פון דער מאטעריעלער זייט איז דער מיטאג געווען א געלונגענער; ניט וויינער איינגעגעבען איז ער אויך געווען פון דער ניט־מאטעריעלער זייט. מען האט לעבעדיג געשמועסט, אמאל אלע צוזאמען און אמאל אינדיווידועל איינער מיט איינעם און צום סוף פון מיטאג זיינען אלע געווען אזוי מונטער, אז די מאנסלייט האבען זיך אויפגעהויבען פון טיש, האלטענדיג אלץ נאך אין מיטען געשפרעך און אפילו אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש איז ביי זיך מונטערער געווארען.

## 10.

פעסצאוו האט ליעב געהאט צו דיסקוטירען ביז'ן סוף און ער האט זיך ניט בענוגענט מיט סערגיי איוואנאוויטשעס ווערטער און בפרט אז ער האט דערפיהלט די אונגערעכטיגקייט פון זיין אייגענע מיינונג.

— איך האב קיין מאהל ניט געמיינט — האט ער געזאגט אין דער צייט פון זופ עסען צו אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש — בלויז די געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג, אבער אין פעראייניגונג מיט די גרינדע, אבער ניט מיט פרינציפען.

— מיר דוכט זיך — האט ניט געאיילט געענטפערט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש — אז דאס איז איינס און דאס זעלבע. לויט מיין מיינונג קאן ווירקען אויף אן אנדער פאלק בלו"ז אזא פאלק, וועלכעס האט א העכערע ענטוויקלונג, וועלכעס...

— אבער דעריין איז דאך די פראגע — האט איהם איבערגעשלאגען פעסצאוו מיט זיין באסאווע שטימע; ער האט זיך תמיד געאיילט צו ריידען און עס האט אויסגעזעהען אזוי וויא ער וואלט זיין גאנצע נשמה אוועקגעגעבען פאר דאס וואס ער פערטהיידיגט — אין וואס קאן בעשטעהען העכערע ענטוויקלונג? ענגלענדער, דייטשען, פראנצויזען, ווער שטעהט אויף א העכערע מדרגה פון ענטוויקלונג? ווער פון זיי וועט פון וועמען פון זיי נאציאנאליזירען? מיר זעהן, אז דער רהיין האט זיך פארפראנצויזט, און די דייטשען שטעהן דערפון ניט ניעדריגער! -- האט ער געשריען — דא איז פאראן אן אנדער געזעץ.

— איך גלויב, אז די ווירקונג איז אימער אויף דער זייט, וואו עס געפינט זיך ווירקליכע בילדונג — האט געזאגט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, לייכט אויפהויבענדיג זיינע ברעמען.

— אבער אין וואס דארפען מיר דערקענען די צייכענס פון ווירקליכע בילדונג? — האט געשטעלט די פראגע פעסצאוו.

— איך רעכען, אז די דאזיגע צייכענס זיינען בעוואוסט — האט געזאגט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש.

# אננא קארענינא

— דאָס איז נאָך אַ פראַגע, צו זיינען זיי טאַקע פאָלשטענדיג בעוואוסט— האָט זיך אריינגעמישט מיט אַן איידעלען שמייכעל סערגיי איוואַנאָוויטש — איצט איז אַנערקענט, אַז דיא ווירקליכע בילדונג מוז זיין אַ ריין קלאַסישע; אָבער מיר זעהען וויא ביידע צדדים קעמפּפען הארטנעקיג, און מען קאָן ניט אָבלייקענען, אַז דער געגנערישער צד, זאָל ניט האָבען גוטע ארגומענטען געגען דעם.

— איהר זייט דאָך אַ קלאַסיקער, סערגיי איוואַנאָוויטש. באַפעהלט איהר וועלכען, רויטען וויין? — האָט אַ זאָג געטאָהן סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש.

— איך זאָג ניט ארויס מיין מיינונג וועגען דער אָדער יענער בילדונג — האָט מיט אַ גנעדיגען שמייכעל, וויא צו אַ קינד, געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, אונטערשטעלענדיג זיין גלאָז — איך זאָג בלויז אַז ביידע צדדים האָבען שטאַרקע ארגומענטען — האָט ער פאָרטגעזעצט ווענדענדיג זיך צו אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש — איך בין אַ קלאַסיקער אין בילדונג, אָבער אין דער דאָזיגער דיסקוסיאָן קאָן איך קיין אנטהייל ניט נעהמען, ווייל איך געפין דאָ ניט מיין פּלאַץ, ד. ה. איך זעה ניט קיין קלאָהרע בעווייזע, פאַר וואָס מען גיט דער קלאַסישער בילדונג מעהר בעדייטונג אַלס דער רעאַלער.

— נאַטור־וויסענשאַפטען האָבען אויך אַזאַ פעדאַגאָגיש ענטוויקעלענדע ווירקונג — האָט אונטערגעכאַפּט פעסצאָוו — נעהמט אַסטראָנאָמיע, נעהמט באָטאַניק, נעהמט זאָאָלאָגיע מיט איהר סיסטעמע פון אַלגעמיינע געזעצע.

— איך קאָן דערמיט ניט אין גאַנצען איינפערשטאַנען זיין — האָט געענטפערט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש — מיר דוכט זיך, אַז דער פּראָצעס גופא פון שטודירען דיא פאָרמען פון שפּראַכען ווירקט בעזונדער ניצליך פאַר דער גייסטיגער ענטוויקלונג. אויסער דעם, קאָן מען אויך ניט לייקענען, אַז דער איינפלוס פון קלאַסישע שריפטשטעלער איז זעהר אַ מאָראַלישער, אין דער צייט, ווען מיט דעם אונטעררעכט פון נאַטור־וויסענשאַפטען זיינען פערבונדען יענע שעדליכע און פאַלשע לעהרען, וועלכע זיינען דיא מכה פון אונזער צייט.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געוועלט וואָס זאָגען, אָבער פעסצאָוו האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט זיין געדיכטע באַסאָווע שטימע. ער האָט היציג אָנגעהויבען בעווייזען וויא ניט ריכטיג דיא דאָזיגע מיינונג איז. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט רוהיג דערוואַרט דיא ווערטער, וויא עס איז קענטיג געוועזען מיט אַ פאַרטיגען זיעגרייכען ענטפער.

— אָבער מען קאָן ניט איינפערשטאַנען זיין — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, ווענדענדיג זיך מיט זיין דינעם שמייכעלע צו קארענינען — אַז עס איז שווער אָבצוּוועגען דיא ניצליכע און אונניצליכע אייגענשאַפטען פון דיא אָדער יענע וויסענשאַפטען. און דיא פראַגע, וועלכע מען דאַרף פון זיי אויסוועהלען, וואָלט ניט געקאָנט ענטשיידעט ווערן אזוי שנעל און אזוי זיכער, ווען אויף דער זייט פון דער קלאַסישער בילדונג וואָלט ניט געוועזען דיא מעלה, וועלכע איהר האָט נור־וואָס דערמאָנט: זייער מאָראַלישע, אַנטי־ניהיליסטישע ווירקונג.

— אָהן צווייפעל.

— ווען דיא קלאַסישע בילדונג וואָלט ניט געהאַט דיא מעלה, וואָס זיא ווירקט אַנטי־ניהיליסטיש, וואָלטען מיר מעהר אַ טראַכט געטאָהן וועגען דעם,

וואָלטען אָבוועגען דיא בעווייזע פוןביידע צדדים — האָט מיט זיין דינעם שמייכעל געזאָגט סערגיי איוואנאָוויטש — מיר וואָלטען דעמאָלט געגעבען א ברייטען פּלאַץ פאר ביידע ריכטונגען. אָבער איצט ווייסען מיר, אז אין דיא דאָזיגע פילען פון קלאסישע בילדונג ליגט דיא הייל־קראַפט פון אנטי־ניהיליזם, און מיר שלאָגען דאָס דרייסט פאָר אונזערע פּאַציענטען... און וויא איז, ווען דאָ איז ניטאָ דיא דאָזיגע הייל־קראפט? — האָט ער געשלאָכען מיט א פראגע.

פון סערגיי איוואנאָוויטשעס פילען האָט מען זיך אַלע צולאכט און בעזונדער פרעהלאך און הויך האָט זיך צולאכט טוראָווצין, דערוואַרטענדיג זיך ענדליך אויף א וויץ, אויף וואָס ער האָט געוואַרט דיא גאַנצע צייט, וואָס דער געשפּרעך איז אָנגעגאַנגען.

סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט קיין טעות ניט געמאַכט, וואָס ער האָט איינגעלאַדען פּעסצאָוו. צו פּעסצאָוון איז דער קלוגער געשפּרעך ניט פערשטומט געוואָרען אויף קיין איין מינוט. וויא נור סערגיי איוואנאָוויטש האָט געענדיגט זיינע רייד מיט׳ן וויץ, גלייך האָט פּעסצאָוו אויפגעהויבען א נייע פּראגע.

— מען קאָן אפילו דערמיט אויך ניט איינפערשטאַנען זיין, אז דיא רע־גיערונג זאָל האָבען אין זינען אזא צוועק. דיא רעגיערונג האָט אין זינען אלגע־מיינע זאכען און בלייבט געוויס אין גאַנצען גלייכגילטיג צו דער ווירקונג פון דיא ביידע שוהלען פון בילדונג. צום ביישפּיעל, דיא פראגע וועגען פרויען־בילדונג האָט זיך געדאַרפט רעכענען פאַר שעדליך, פון דעסטוועגען עפענט דיא רעגיערונג פרויען־קורסען און אוניווערזיטעטען.

און דער געשפּרעך איז גלייך איבערגעשפּרונגען אויף א נייע טהעמא, וועגען פרויען־בילדונג.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט ארויסגעזאָגט דיא מיינונג, אז בילדונג פאַר פרויען ווערט אָפט פערמישט מיט דער פראגע וועגען פרייהייט פאַר דער פרוי און בלויז דערפאר קאָן מען רעכענען דיא פראגע אלס שעדליך.

— איך רעכען פאַרקעהרט, אז דיא דאָזיגע צוויי פראגען זיינען טאקע ענג פערבונדען איינע מיט דער אנדערער — האָט געזאָגט פּעסצאָוו — דאָס איז א פאַלשער קרייז. דיא פרוי איז גערויבט פון איהרע רעכטע דורך דעם, וויל איהר פעהלט בילדונג, און קיין בילדונג בעקומט זיא ניט דערפאַר, וואָס זיא האָט קיין רעכטע ניט. מען דאַרף ניט פאַרגעסען דעם פאַקט, אז דיא פערשקלאַפונג פון דער פרוי איז אזוי גרויס און אזוי אַלט, אז אָפט ווילען מיר ניט פאַרשטעהן דעם תהום, וועלכער טהיילט זיא אָב פון אונז — האָט ער געזאָגט.

— איהר זאָגט רעכטע — האָט זיך אָבגערופען סערגיי איוואנאָוויטש, וועלכער האָט געוואַרט ביז פּעסצאָוו וועט ענדיגען — דיא רעכטע פון פאַרנעהמען א פּלאַץ פון געשוואָרענע אין געריכט, פון גלאָסנע, פון פּאָרזיצער, פון בעאַמטע, פון מיטגליעדער אין פּאַרלאַמענט....

— אָהן צווייפעל.

— אָבער אויב דיא פרוי אַלס א זעלטענע אויסנאַהם, וואָלט געקאָנט בע־קליידען אזא פּלאַץ, דוכט זיך מיר אויך, אז עס איז ניט ריכטיג צו געברויכען דעם

אייסדרוק „רעכטע". עס וואָלט געווען ריכטיגער צו זאָגן: פפליכטען. יעדערער וועט זיין איינפערשטאַנען, אז צו ערפילען א וועלכע ניט איז אמט: געשווארע־נער, טעלעגראפיסט אָדער דעפוטאט, פיהלען מיר אז מיר ערפילען א פפליכט. און דארום איז ריכטיגער אויסצודריקען זיך, אז פרויען זוכען צו האָבען פפליכטען און דאָס איז זעהר א געזעצליכע פאָדערונג. און מען קאָן בלויז מיטפיהלען דעם דאָזיגען פערלאנג זייערען צו זיין בעהילפליך אין דער אלגעמיינע מענליכער טהע־טיגקייט.

— זעהר ריכטיג — האָט צוגעשטימט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — דיא פראגע, וויא איך דיינק, בעשטעהט בלויז דעריין, צו זיינען זיי פעהיג צו ערפי־לען דיא דאָזיגע פפליכטען.

— זיי וועלען געוויס זיין זעהר פעהיג — האָט ארייגעזאָגט סטעפאן אר־קאדיעוויטש — ווען בילדונג וועט זיין פערשפרייט צווישען זיי. מיר זעהען דאָס . . .

— און ווי וועט זיין מיט דעם שפרוך וועגען פרויען — האָט געזאָגט דער אל־טער פירסט, וועלכער האָט זיך צוגעהערט איצט צום געשפרעך — פאַר דיא אייגענע טעכטער מעג מען דאָך זאָגען: לאנגע האאר....

— פונקט אזוי האָט מען געדיינקט אויף וועגען דיא נעגערס ביז וואנען זיי זיינען בעפרייעט געוואָרען! — האָט מיט כעס געזאָגט פעסצאוו.

— איך געפין בלויז אלס זאָנדערבאר. וואָס פרויען זוכען נייע פפליכטען— האָט געזאָגט סערגיי איוואנאָוויטש — דאן, ווען מיר, צום אונגליק, זעהען, אז דיא מענער ווילען פטור ווערען פון פפליכטען.

— פפליכטען זיינען פערבונדען מיט רעכטע; הערשאפט, געלד, כבוד, דאָס איז וואָס דיא פרויען זוכען — האָט געזאָגט פעסצאוו.

— דאָס איז אלץ איינס, וויא איך זאָל זוכען דאָס רעכט צו זיין אן אם און וואָלט זיך געפונען בעליידיגט פאר וואָס פרויען צאָהלט מען דערפאַר און מיר וויל מען ניט צאָהלען — האָט געזאָגט דער אלטער פירסט.

טוראווצין האָט זיך צולאכט הויך און סערגיי איוואנאָוויטשען האָט פערדראָסען פאר וואָס ער האָט דעם דאָזינגען וויץ ניט געזאָגט. אפילו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט א שמייכעל געטאָהן.

— יא, אָבער א מאנספערשוין קאָן קיין אם ניט זיין — האָט געזאָגט פעסצאָוו, און א פרויענצימער . . .

— ניין, אן ענגלענדער האָט ערנעהרט אויף א דאמפפער זיין קינד — האָט געזאָגט דער אלטער פירסט, ערלויבענדיג זיך צו ריידען אזוי פריי אין דער אנוועזענהייט פון זיינע טעכטער.

— אזוי פיעל פרויען בעאמטע וועלען זיין וויפיעל עס זיינען פאראן אזעל־כע ענגלענדער, וואָס קאָנען אליין ערנעהרען זייערע זויג־קינדער — האָט שוין סערגיי איוואנאָוויטש געזאָגט.

— יא, אָבער וואָס זאָל טאָהן א מיידעל, וועלכע האָט קיין פאמיליע ניט ? — האָט זיך איינגעשטעלט סטעפאן ארקאדיעוויטש, וועלכער האָט זיך דערמאָנט וועגען דער באלעט־טענצערין טשיביסאָווא, וועלכע ער האָט דיא גאנצע צייט

געהאט אין זינען, מיטפיהלענדיג מיט פעסצאָווען און אונטערשטיצענדיג זיין מיינונג.

— אויב מען זאָל גוט צוקוקען זיך צו דער געשיכטע פון אזא מיידעל, וועט איהר געפינען, אז דיא דאָזיגע מיידעל האָט אוועקגעוואָרפען א פאמיליע, ענטוועדער איהר אייגענע פאמיליע אָדער דיא פאמיליע פון איהר שוועסטער, וואו זיא האָט געקאָנט האָבען בעשעפטיגונג אלס פרוי — האָט זיך אונערוואַרטעט אריינגעמישט אין געשפרעך אויפגערעגטערהייט דאריא אלעקסאנדראָוונא, טרעפענדיג געוויס, וועלכע מיידעל סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט געהאט אין זינען.

— אָבער מיר שטעהען פאר א פרינציפ, פאר אן אידעאל! — האָט מיט זיין קלינגענדער באסאָווע שטימע געענטפערט פעסצאָוו — דיא פרוי וויל האָבען דאָס רעכט צו זיין אונאבהענגיג, געבילדעט. זיא פיהלט זיך געדריקט, געענגט פון דעם בעוואוסטזיין, אז דאָס איז פאר איהר אונמעגליך.

— און איך בין אויך געענגט און געדריקט דערמיט, וואָס מען וויל מיך ניט נעהמען פאר אן אם אין אן ערציהונגס־אנשטאלט — האָט ווידער געזאָגט דער אלטער פירסט, וואָס האָט טוראָווצינען זעהר דערפרעהט, וועלכער האָט פון גרויס געלעכטער פערלאָרען זיין ספּארזשע און דעם סאָוס.

11

אלע האָבען זיך בעטהייליגט אין דעם אלגעמיינעם געשפרעך, אויסער קיטי און לעווין. פון אָנפאנג ווען מען האָט גערעדט וועגען דעם איינפלוס וואָס איין פאָלק האָט אויף דעם אנדערען, איז לעווינען ניט ווילענדיג ארויף אויפ'ן זינען אז ער האָט עפּעס צו זאָגען וועגען דעם געגענשטאנד; אָבער דיא דאָזיגע געדאנקען, וועלכע זיינען פאר איהם אמאָל געווען זעהר וויכטיג האָבען איצט פערלאָרען פאר איהם זייער בעדייטונג וויא עפּעס, וואָס ער האָט געזעהען בלויז אין חלום.

איהם איז זאָגאר פאָרגעקומען זאָנדערבאר וואָס זיי זוכען צו ריידען וועגען אזעלכע זאכען וואָס זיינען פאר קיינעם ניט נויטיג. קיטין האָט זיך אויך אזוי געדוכט, אז איהר האָט געדארפט אינטערעסירען דיא פראגע וועגען פרויען־רעכטע און פרויען־בילדונג. וויפיעל מאָהל זיא האָט וועגען דעם געטראכט, דערמאָנענדיג זיך וועגען איהר אויסלענדישע פריינדין ווארענקא, וועגען איהר שווערער אבהענגיגקייט, וויפיעל מאָל זיא האָט געטראכט וועגען זיך אליין, וואָס וועט מיט איהר אליין זיין, ווען זיא וועט הייראטהען, און וויא פיעל מאָהל זיא האָט וועגען דעם דיסקוטירט מיט איהר שוועסטער! אָבער איצט האָט דאָס איהר ניט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען. צווישען איהר מיט לעווינען איז אָנגעגאנגען זייער אייגענער געשפרעך, און ניט אזוי א געשפרעך וויא א געהיימע געמיינשאפטליכקייט, וועלכע האָט מיט יעדע מינוט אלץ מעהר

פערבונדען זיי און האט אין זיי ערוועקט דאס געפיהל פון ציטערענדער פרייד פאר דאס אונבעוואוסטע, אין וואס זיי טרעטען אריין.

פון אנפאנג האט לעווין געענטפערט קיטין אויף דער פראגע, וויא אזוי דאס איז געקומען אז ער האט זיא געזעהען פאהרענדיג אין קארעטע. ער האט איהר דערצעהלט וויא ער איז געגאנגען פון היי־שניט אויף דעם גרויסען שליאך און האט זיא בעגעגענט.

— דאס איז געווען פריה־פריה נור טאג. איהר האט מסתמא זיך נורוואס אויפגעכאפט פון שלאף. אייער מאמא איז געשלאפען אין איהר ווינקעל. א וואונדערליכער אין־דער־פריה איז עס געוועז. איך געה אזוי און טראכט: ווער פאהרט דאס אין א פיער־געשפאן אין א קארעטע? א פרעכטיגער פיער־געשפאן מיט גלעקלאך, און אויף אן אויגענבליק זייט איהר א שוועב געטאהן, און איך זעה אין פענסטער, איהר זיצט אזוי און מיט ביידע הענד האלט איהר דיא שטיינגעס פון אייער הויב און האט וועגען עפעס זיך שרעקליך פערטראכט — האט ער געזאגט שמייכלענדיג — א, וויא עס וואלט זיך מיר וועלען וויסען וועגען וואס האט איהר דאס דעמאלט געטראכט. וועגען עפעס וויכטיגעס?

„צו בין איך ניט געווען מיט צושויבערטע האאר?״ האט זיא א טראכט געטאהן, נור זעהענדיג דעם בעגייסטערטען שמייכעל, וואס אין איהם האט ארויסגערופען דיא עראינערונג פון דיא איינצעלהייטען פון יענער בעגעגניש, האט זיא דערפיהלט, אז פארקעהרט, אז דער איינדרוק האט געמוזט זיין זעהר א גוטער. זיא איז רויט געווארען און האט זיך לוסטיג צולאכט.

— ווירקליך איך געדיינק ניט.

— וויא שעהן טוראוצין לאכט — האט געזאגט לעווין, הנאה האבענדיג פון טוראווצין'ס פייכטע אויגען און טרויסעלדיגען קערפער.

— איהר קענט איהם שוין לאנג? — האט קיטי א פרעג געטאהן.

— ווער קען איהם דען ניט?

— און איך זעה, אז איהר רעכענט, אז ער איז א שלעכטער מענש?

— ניט קיין שלעכטער, נור סתם א גאר נישט.

— און דאס איז ניט אמת! און ווערט שנעלער בעפרייעט פון אזא געדאנק — האט געזאגט קיטי — איך האב אויך וועגען איהם געהאט זעהר א נידריגע מיינונג, אבער דאס איז א ליעבליכער, א זעהר ליעבליכער און א וואונדערליך גוטער מענש. א מענש מיט א גאלדען־הארץ.

— וויא אזוי האט איהר דאס געקאנט אויסגעפינען זיין הארץ?

— מיר זיינען מיט איהם גרויסע פריינד. איך קען איהם זעהר גוט. פאריגען ווינטער, באלד נאך דעם... וויא איהר זייט געוועזן ביי אונז — האט זיא געזאגט מיט א שולדיגען און אין דערזעלבער צייט פערטרויענדען שמייכעל — זיינען ביי דאללי אלע קינדער געווען קראנק אויף סקארלאטין, און ער איז אריינגעקומען צו איהר צופעליג. און איהר קאנט זיך פארשטעלען — האט זיא געזאגט גאנץ שטיל — ער האט אזוי רחמנות בעקומען אויף איהר, אז ער איז געבליבען און האט איהר אנגעהויבען העלפען ארומגעהן ארום דיא קינדער, און ער האט דריי וואכען נאכאנאנד געוואהנט ביי זיי אין הויז און וויא א ניאנקע

ארומגעגאנגען ארום דיא קינדער.

— איך דערצעהל דאָס קאָנסטאנטין דמיטריעוויטשען וועגען טוראוותינען דאן אין דער צייט פון סקארלאטין — האָט זיא געזאָגט אָנבויגענדיג זיך צו דער שוועסטער.

— יא, וואונדערליך, א פראכט א מענש! — האָט געזאָגט דאללי קוקענדיג אויף טוראוותינען, וועלכער האָט געפיהלט, אז מען רעדט דאָס פון איהם, און זיא האָט איהם וויייך צוגעשמייכעלט. לעווין האָט נאָך אמאָל א קוק געטאָהן אויף טוראוותינען און האָט זיך געוואונדערט וויא האָט ער דאָס פריהער אין איהם ניט געזעהען און האָט ניט פערשטאנען דיא גוטסקייט פון דעם מענשען.

— נו, בין איך שולדיג, שולדיג, און איך וועל שוין מעהר קיין מאָהל וועגען מענשען שלעכט ניט דיינקען! — האָט פרעהליך געזאָגט לעווין אויפריכטיג ארויסזאָגענדיג דאָס וואָס ער האָט איצט געפיהלט.

12.

אין דעם געשפרעך וועגען פרויען־רעכטע זיינען געווען אזעלכע פראגען, וועלכע מען האָט ניט געקאָנט בעריהרען אין דער אנוועזענהייט פון פרויען — פראגען וועגען דער אונגלייכהייט אין דיא רעכטע פון מאַן און פרוי אין דער הייראָטה. אין דער צייט פון מיטאג איז פעסצאוו עטליכע מאָל ארויפגעשפרונגען אויף דיא דאָזיגע פראגען, אָבער סערגיי איוואנאָוויטש און סטעפאן ארקאדיעוויטש האָבען פאָרזיכטיג אָבגעצויגען איהם דערפון.

ווען מען האָט זיך אָבער אויפגעהויבען פון טיש און דיא דאמען זיינען ארויסגעגאנגען האָט פעסצאוו ניט פאָלגענדיג נאָך זיי זיך געווענדעט צו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש און האָט זיך א נעהם געטאָהן ארויסצוזאָגען זיין מיינונג וועגען דיא הויפט אורזאכען פון דער דאָזיגער אונגלייכהייט. דיא אונגלייכהייט פון דיא פערהייראטהע איז, לויט זיין מיינונג, בעשטאנען דעריין, וואָס דיא אונטרייהייט פון דעם מאַן און דיא אונטרייהייט פון דער פרוי ווערען בעשטראפט אויף בעזונדערע אופנים, אי פון געזעץ אי פון דער עפענטליכער מיינונג.

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז איילענדיג צוגעגאנגען צו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש און האָט איהם פאָרגעלייגט צו געהן רויכערען.

— ניין, איך רויכער ניט — האָט רוהיג געענטפערט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש און אזוי וויא ער וואָלט געוועלט מיט א כיון ווייזען אז ער האָט קיין מורא ניט פאר דעם געשפרעך און ער האָט זיך מיט א קאלטען שמייכעל געווענדט צו פעסצאווען.

— איך רעכען, אז אין גרונד פון אזא בליק ליגט דיא ווירקליכקייט גופא פון זאכען — האָט ער געזאָגט און האָט געוואָלט אריין אין גאסט־צימער; אָבער דאָ האָט פלוצלונג אָנגעהויבען צו ריידען טוראוותין, ווענדענדיג זיך צו אלעקסיי

אננא קארעגינא

אלעקסאנדראָוויטש.

— האָט איהר געהערט וועגען פריאטשניקאָווען — האָט געפרעגט טו־ראוועין, וועלכער איז ערמונטערט געוואָרען פון דיא אויסגעטרונקענע שאמפאַ־ניער און האָט לאנג געוואַרט אויף דער געלעגענהייט איבערצורייסען זיין שוויי־גען, וואָס האָט איהם בעלעסטיגט — וואסיא פריאטשניקאָוו, האָט מען מיר היינט דערצעהלט, האָט זיך געשלאָגען אויף א דועל מיט קוויטסקין אין טווער און האָט איהם געטויט.

וויא עס דוכט זיך אימער, אז מען טרעפט מיט א קלאפּ דוקא אין א וויי־טאָגדיגען פלאץ, אזוי האָט היינט אויך סטעפּאן ארקאדיעוויטש געפיהלט, אז וויא אויף צו להכעיס רעדט מען היינט יעדע מינוט וועגען עפּעס, וואָס טרעפט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשען אין א קראנקען פלאץ. ער האָט ווידער געוואָלט אבציהען דעם שוואָגער, אָבער גראד האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש אליין נייגעריג א פרעג געטאָהן:

— פאר וואָס איז פריאטשניקאָוו געגאנגען אויף א דועל?

— פאר זיין פרוי? ער האָט געהאנדעלט וויא א מענש! האָט ארויסגערו־פען אויף א דועל און אוועקגעלייגט א טויטען!

— א! — האָט גלייכגילטיג געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש און אויפהויבענדיג דיא ברעמען איז ער אריין אין גאסט־צימער.

— וויא גערן איך בין וואָס איהר זייט געקומען! — האָט צו איהם גע־זאָגט דאללי מיט א צושראָקענעם שמייכעל, בעגעגענענדיג איהם אין גאסט־צימער — איך האָב מיט אייך וואָס צו ריידען. לאָמיר זיך דאָ צוזעצען.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך געזעצט לעבען דאללי, מיט יענעם אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט, וועלכע דיא אויפגעהויבענע ברעמען האָבען צו־געגעבען זיין פנים און ער האָט פארשטעלטערהייט א שמייכעל געטאָהן.

— און בפרט — האָט ער געזאָגט — אז איך האָב אויך טאקע געוואָלט בעטען אייך אום ענטשולדיגונג און גלייך זיך אָבזעגענען. איך מוז מאָרגען שוין אָבפאָהרען.

דאריא אלעקסאנדראָוונא איז געווען זיכער, אז אננא איז אונשולדיג און זיא האָט געפיהלט, אז זיא ווערט בלייך און איהרע ליפּען ציטערען פון כעס געגען דעם דאָזיגען קאלטען, געפיהללאָזען מענשען, וועלכער בעאבזיכטיגט מיט אזא רוהיגקייט אונגליקליך צו מאַכען איהר אונשולדיגען גוטען־פריינד.

— אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — האָט זיא געזאָגט קוקענדיג איהם אין דיא אויגען מיט א פערצווייפעלטער ענטשלאָסענהייט — איך האָב ביי אייך זיך נאָכגעפרעגט אויף אננאן און איהר האָט מיר ניט געענטפערט. וואָס איז מיט איהר?

— דוכט זיך, אז זיא איז געזונד, דאריא אלעקסאנדראָוונא — האָט ניט קוקענדיג אויף איהר געענטפערט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

— פערצייהעט מיר, אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, איך האָב קיין רעכט ניט... איך ליעב אָבער אננאן וויא א לייבליכע שוועסטער און איך רעספּעקטיר זיא. איך בעט אייך און בעט אייך, זאָגט מיר, וואָס איז דאָס צווישען אייך?

אין וואָס בעשולדיגט איהר זיא?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אָנגעהויבען צו קנייטשען און כמעט פערמאַכענדיג דיא אויגען האָט ער אָראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

— איך רעכען, אז אייער מאַן האָט אייך איבערגעגעבען יענע אורזאַכען, איבער וועלכע איך געפין פאַר נויטיג צו ענדערען מיינע פריהערדיגע בעציהונגען צו אננא אַרקאַדיעוונא — האָט ער געזאָגט, ניט קוקענדיג אין איהרע אויגען און אומקוקענדיג זיך אונצופריעדען צו שטשערבאַצקי, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דעם צימער.

— איך גלויב ניט, גלויב ניט און קאָן אַזאַ זאַך ניט גלויבען! — האָט פערברעכענדיג איהרע מאַגערע הענד געזאָגט דאַללי מיט אַן ענערגישער בעוועגונג. זיא איז שנעל אויפגעשטאַנען און האָט אוועקגעלייגט איהר האַנד אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס אַרבעל — מען שטערט אונז דאָ. לאָמיר אריין אַהער, איך בעט אייך.

דאַללים צוטראָגענהייט האָט געווירקט אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. ער איז אויפגעשטאַנען און איז געהאָרכזאַם געגאַנגען נאָך איהר אין קלאַסנעם צימער. זיי האָבען זיך געזעצט ביים טיש, וועלכער איז געוועזען בעצויגען מיט סאַראַטע און צושניטען פון מעסערלעך.

— איך גלויב דאָס ניט און גלויב דאָס ניט! — האָט אַרויסגערעדט דאַללי וועלענדיג כאַפּען זיין בליק, וואָס האָט זיך אָבגעקעהרט.

— מען קאָן ניט ניט־גלויבען פאַקטען, דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא — האָט ער געזאָגט, פּרעסענדיג אויף דעם וואָרט פ א ק ט ע ן.

— אָבער וואָס האָט זיא פאַרט געטאָהן? — האָט אַלץ גערעדט דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא — וואָס נעמליך האָט זיא געטאָהן?

— זיא האָט פעראַבשויליכט איהרע פּפליכטען און איז געוואָרען אונטריי איהר מאַן — אָט וואָס זיא האָט געטאָהן — האָט ער געזאָגט.

— ניין, ניין, דאָס קאָן ניט זיין! ניין, אום גאָטעס ווילען, איהר האָט אַ טעות געמאַכט — האָט געזאָגט דאַללי אָנריהרענדיג זיך מיט דיא הענד צי דיא שלייפען און צומאַכענדיג דיא אויגען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט קאַלט אַ שמייכעל געטאָהן בלויז מיט דיא ליפּען, וועלענדיג ווייזען איהר און זיך אַליין דיא זיכערהייט פון זיין איבערצייגונג, אָבער דיא דאָזיגע הייסע פערטהיידיגונג האָט אין איהם אָבוואָהל ניט ערוועקט קיין צווייפעל, האָט אָבער צושמערצט זיין וואונד. ער האָט אָנגעהויבען ריידען מעהר לעבעדיג.

— זעהר שווער אַ טעות צו מאַכען, ווען דיא פרוי אַליין ערקלעהרט אַזוי דעם מאַן. ווען זיא ערקלעהרט, אַז אַכט יאָהר לעבען און דער זוהן, אַז דאָס אַלעס איז אַ טעות און אַז זיא וויל אָנהויבען אַ נייעם לעבען — האָט ער געזאָגט מיט כעס סאָפּענדיג מיט דער נאָז.

— אננא און זינד — איך קאָן דאָס ניט פעראייניגען, איך קאָן דעריין ניט גלויבען.

— דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא! — האָט ער געזאָגט קוקענדיג איצט גלייך

# אננא קארעני נא

אין דאללים אויפגערעגטען פּנים און פּיהלענדיג אז זיין צונג ווערט לייזער ניט־ווילענדיג — איך וואָלט זעהר טהייער געבען, ווען עס וואָלט מעגליך זיין נאָך צו צווייפלען. ווען איך האָב געצווייפעלט איז מיר געווען שווער, אָבער לייכטער איידער איצט. ווען איך האָב געצווייפעלט, איז געווען עפּעס נאָך א האָפנונג; אָבער איצט איז שוין קיין שום האָפנונג ניטאָ, און דאָך צווייפעל איך אין אַלעס. איך צווייפעל אזוי אין אַלעס, אז איך קאָן דעם זוהן ניט אָנזעהען און גלויב ניט, אז דאָס איז מיין זוהן. איך בין זעהר אונגליקליך.

ער האָט דאָס ניט געדאַרפט ריידען. דאריא אַלעקסאַנדראָוונא האָט דאָס פערשטאַנען, וויא ער האָט בלויז א קוק געטאָהן איהר אין פּנים, און זיא האָט איצט אויף איהם רחמנות געהאַט; איהר גלויבען אז איהר פריינדין איז אונשולדיג איז שוין אביסעל צוטרויסעלט געוואָרען.

— אָך, דאָס איז שרעקליך! דאָס איז שרעקליך! אָבער זאָל דען דאָס מעגליך זיין, אז דאָס זאָל זיין אמת, אז איהר האָט זיך ענטשלאָסען צו פאָדערען א גט?

— איך האָב זיך ענטשלאָסען אָנצואווענדען דעם לעצטען מיטעל. מיר בלייבט מעהר ניט וואָס צו טאָהן.

— ניטאָ וואָס צו טאָהן, ניטאָ וואָס צו טאָהן.... — האָט זיא איבערגע־רעדט מיט טרעהרען אין דיא אויגען -- ניין, עס איז יא פאַראַן וואָס צו טאָהן! — האָט זיא געזאָגט.

— אָט דאָס איז דאָך דאָס שרעקליכסטע אין אַזעלכע יסורים, וואָס מען קאָן ניט וויא אין אַלע אַנדערע אונגליקען, אין פערלוסט, אין טויט, טראָגען דעם קרייץ, ליידען און שווייגען, אָבער דאָ מוז מען דאָך וואָס טאָהן — האָט ער גע־זאָגט, וויא ער וואָלט טרעפען איהר געדאַנק — מען מוז דאָך ארויס פון דער ער־נידריגענדער לאַגע, אין וועלכער איהר זייט אַוועקגעשטעלט: מען קאָן דאָך זאַלבעדריט ניט לעבען.

— איך פאַרשטעה, איך פאַרשטעה דאָס זעהר גוט — האָט געזאָגט דאַללי און האָט אַראָבגעלאָזען איהר קאָפּ — זיא האָט געשוויגען, טראַכטענדיג וועגען זיך, וועגען איהרע פאַמיליען־צרות און זיא האָט פּלוצלונג מיט אַן ענערגישער בעוועגונג אויפגעהויבען דעם קאָפּ און צונויפגעלייגט דיא הענד — אָבער וואַרט! איהר זייט דאָך א קריסט. גיט אַ טראַכט וועגען איהר! וואָס וועט מיט איהר זיין!

— איך האָב וועגען דעם געטראַכט, דאריא אַלעקסאַנדראָוונא, און פיעל געטראַכט — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. זיין פּנים האָט זיך בע־דעקט מיט רויטע פלעקען, דיא מוטנע אויגען האָבען געקוקט גלייך אויף איהר. דאריא אַלעקסאַנדראָוונא האָט שוין איצט אויף איהם רחמנות געהאַט פון גאַנצען הארצען — איך האָב דאָסזעלביגע געטאָהן נאָך דעם וויא זיא אַליין האָט מיר ערקלעהרט מיין שאַנדע; איך האָב געלאָזען אַלעס ביים אַלטען. איך האָב גע־געבען דיא מעגליכקייט צו בעסערען זיך, איך האָב געזוכט זיא צו רעטען. און וואָס־זשע? שטעלט זיך פאָר, אז זיא האָט ניט ערפילט דיא גרינגסטע פאָדערונג — נאָכצוקומען און אָבצוהיטען אַנשטענדיגקייט — האָט ער גערעדט א צוהיצטער ראַטעווען קאָן מען א מענשען, וועלכער וויל ניט אומקומען: אָבער אויב זיא איז

א פערדאָרבענע נאַטור, אַזאַ אויסגעלאָסענע, אַז דאָס אומקומען אַליין דוכט זיך איהר אַלס אַ רעטונג, וואָס קאָנט איהר מאַכען?

— אַלעס, בלויז ניט קיין גט! — האָט געענטפערט דאַריאַ אַלעקסאַנד־ראָוונאַ.

— אָבער וואָס הייסט אַלעס?

— ניין, דאָס איז שרעקליך. זיא וועט דאָך, הייסט עס, קיינעמס פרוי ניט זיין, זיא וועט דאָך רואינירט ווערען!

— וואָס־זשע קאָן איך טאָהן? — האָט אויפהויבענדיג דיא אַקסלען און דיא ברעמען געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. דיא ערינערונג וועגען דער לעצטער האַנדלונג פון זיין פרוי האָט איהם אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער איז ווידער קאַלט געוואָרען וויא אין אָנפאַנג געשפּרעך — איך דאַנק אייך פאַר אייער אַנטהייל, אָבער מיר איז צייט — האָט ער געזאָגט אויפשטעהענדיג.

— ניין, וואַרט, איהר טאָרט זיא ניט רואינירען. וואַרט, איך וועל אייך דערצעהלען פון זיך. איך האָב געהייראַטה און דער מאַן האָט מיך גענאַרט; אין ערביטערונג פון אייפערזוכט האָב איך געוואָלט אַלעס אוועקוואַרפען און געוואָלט אַליין... אָבער איך האָב זיך בעצייטענס בעדיינקט, און ווער? אננא האָט עס מיך דעמאָלט געראַטעוועט. און אָט זעה איך. דיא קינדער וואַקסען, דער מאַן קעהרט זיך צוריק צו דער פאַמיליע, ווערט ריינער, בעסער. איך האָב פערצייהעט און איהר דאַרפט אויך פערצייהען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהערט, אָבער איהרע ווערטער האָבען שוין אויף איהם ניט געווירקט. אין זיין האַרצען האָט זיך אויפגעהויבען דיא גאַנצע פערדרוס און קריינקונג פון יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך ענטשלאָסען אויף אַ גט. ער האָט זיך אָבגעטרויסעלט און האָט אָנגעהויבען מיט אַן ענטשלאָסענע, שניידענדע, הויכע שטימע:

— פערצייהען קען איך ניט און וויל ניט, און רעכען פאַר אונרעכט. איך האָב פאַר דער דאָזיגער פרוי געטאָהן אַלעס און זיא האָט אַלעס פערטראָטען אין שמוץ, וואָס איז איהר אייגענשאַפט. איך בין ניט קיין שלעכטער מענש, איך האָב נאָך קיין מאָהל קיינעם ניט געהאַסט, אָבער זיא האַס איך מיט אַלע קרעפטען פון מיין נשמה און איך קען איהר שוין ניט מוחל זיין, ווארום איך האַסס זיא צו שטאַרק פאַר אַל דאָס בייזע, וואָס זיא האָט מיר אָנגעטאָהן! — האָט ער געזעדט מיט טרעהרען פון צאָרען אין דער שטימע.

— ליעבט דיא, וועלכע האַסען אייך... — האָט שעהמעוודיג אַ מורמעל געטאָהן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיט פעראַכטונג אַ שמייכעל געטאָהן. דאָס האָט ער שוין לאַנג געוואוסט, אָבער דאָס קאָן ניט זיין אָנווענדבאַר צו זיין פאַל.

— ליעבט דיא, וועלכע האַסען אייך, אָבער ליעבען דיא, וועלכע דוא האַססט, דאָס קאָן מען ניט. ענטשולדיגט, וואָס איך האָב אייך געמאַכט פערדרוס. ביי יעדען איז פאַראַן גענוג זיינע אייגענע צרות! — און באַהערשענדיג זיך, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש רוהיג געזעגענט זיך און איז אוועקגעפאָהרען.

## 13.

ווען מען איז אויפגעשטאנען פון טיש, האָט לעווין געוועלט זיך געהן נאָך קיטי אין גאַסט־צימער; ער האָט אָבער מורא געהאַט, אפשר וועט איהר זיין אונ־אנגענעהם, וואָס מען מערקט צופיעל וויא ער שדכנ'ט זיך צו איהר. ער איז דאָרום געבליבען אין קרייז פון דיא מאַנסלייט און האָט זיך בעטהייליגט אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך. און ניט קוקענדיג אויף איהר האָט ער פון דעסטוועגען געפיהלט יעדע בעוועגונג איהרע, יעדען בליק און דעם פּלאַץ וואו זיא איז געזעסען.

און ער האָט שוין דאָ גלייך ערפילט דעם פערשפּרעכען, וואָס ער האָט איהר געגעבען מיט אַ ווייל צוריק, ניט צו דיינקען שלעכט פון קיין מענשען און אימער און אַלעמען ליעבען. דער געשפּרעך האָט זיך איצט אַ קעהר געטאָהן וועגען דער דאָרפישער געמיינדע, אין וועלכע פעסצאוו האָט געזעהען אַ יסוד פאַר געמיינשאַפטליכען לעבען, רופענדיג דעם יסוד אַלס כארוס־עלעמענט. לעווין האָט ניט איינגעשטימט ניט מיט'ן ברודער און ניט מיט פעסצאָווען, וועלכער האָט אויף זיין אייגענעם אופן אי אנערקענט אי ניט אנערקענט דעם רוסישען געמיינדע־לעבען. אָבער ער האָט גערעדט מיט זיי ביידען און האָט געזוכט מאַכען שלום צווישען זיי ביידען און זייערע בעזונדערע אַנזיכטען און וזייך מאַכען דיא פונקטען פון זייערע צוויסטיגקייטען. ער האָט זיך ווייניג אינטערעסירט מיט זיינע אייגענע רייד, און נאָך ווייניגער האָט ער זיך אינטערעסירט מיט זייערע רייד, ער האָט נור געווינשט איין זאַך: זיי זאָל אַלעמען זיין גוט און אַנגענעהם. ער האָט איצט געוואוסט, אַז נור איינס איז וויכטיג. און דאָס איינס איז פריהער געווען דאָרט און איצט געפינט עס זיך דאָ און שטעהט איצט לעבען טהיר. ער האָט געפיהלט, וויא איהר בליק און שמייכעל זיינען געווען געווענדעט צו איהם און ער האָט זיך ניט געקאָנט אָבקעהרען. זיא איז געשטאַנען אין טהיר מיט שטשער־באַצקי און געקוקט אויף איהם.

— און איך האָב געמיינט, אַז איהר געהט צו דער פּאָרטעפּיאַנא — האָט ער געזאָגט צוגעהענדיג צו איהר — אָט וואָס מיר פעהלט אין דאָרף: מוזיק.

— ניין, מיר זיינען בלויז געקומען אייך ארויסרופען — האָט זיא געזאָגט, שיינקענדיג איהם אַ שמייכעל אַ מתנה — און איך בין אייך דאַנקבאַר, וואָס איהר זייט אַליין צוגעגאַנגען. וואָס פאַר אַ פערגעניגען האָט מען פון האַמפּערן זיך? קיין מאָל וועט דאָך איינער דעם צווייטען ניט איבערצייגען.

— יאַ, אמת — האָט געזאָגט לעווין — מעהרסטע טהייל פאַסירט עס, אַז מען האַמפּערט זיך היציג בלויז דערפאַר, וואָס מען קאָן בשום אופן ניט פער־שטעהען, וואָס וויל דער געגנער בעווייזען.

לעווין האָט אָפט באַמערקט אין דיסקוסיאָנען צווישען דיא קליגסטע מענ־שען, אַז נאָך פיעל אַנשטרייננגונגען און נאָך אַ גאַנצער מאַסע פון לאָגישע איידעלע

געדאַנקען און ווערטער, קומען זיי צום שלום, אַז דאָס וועגען וואָס זיי שפּאַרען זיך האָבען ביידע צדדים פערשטאַנען און געוואוסט נאָך פון אָנהויב אָן, נור זיי שפּאַרען זיך מחמת דעם, ווייל יעדערער ליעבט עפּעס אַנדערעס און קיינער פון זיי וויל ניט אָנרופען, וואָס ער ליעבט כדי דער צווייטער זאָל איהם ניט אָבשלאָגען. ער האָט אָפט געשפּירט, אַז אַמאָל אין דער צייט פון שפּאַרען זיך מיט דעם צווייטען פערשטעהסט דוא פּלוצלונג, וואָס דער געגנער האָט ליעב, און דוא הויבסט פּלוצלונג דאָס אויך אָן צו ליעבען און שטימסט באַלד איין מיט איהם, און דאַן פּאַלען אָב אַלע אַרגומענטען, וויא אין גאַנצען אַן איבעריגע זאַך. און אַמאָל איז אַקוראַט דער היפּוך. דאָסזעלביגע האָט ער דאָס איצט געוואָלט ערקלעהרען.

זיא האָט געקנייטשט דעם שטערן, זוכענדיג צו פאַרשטעהן. אָבער וויא נור ער האָט אָנגעהויבען צו ערקלעהרען ווייטער, האָט זיא שוין פערשטאַנען:

— איך פאַרשטעה: מען דאַרף בלויז ערקונדיגען זיך צוליעב וואָס ער האַמפּערט זיך, וואָס ער ליעבט, דאַן קאָן מען....

זיא האָט פּאָלשטענדיג געטראָפען און דערמיט ערקלעהרט זיין געדאַנק, וועלכען ער האָט אַזוי שלעכט אויסגעדריקט. לעווין האָט אַ שמייכעל געטאָהן פון שמחה: אַזוי איבעראַשענד איז פאַר איהם געווען דער איבערגאַנג פון דער פערפּלאָנטערטער, פיעל־ווערטערדיגער מחלוקת מיט פּעסצאָווען און מיט זיין ברודער צו איהר קורצער און קלאָהרער איינשטימיגער ערקלעהרונג פון אַזעלכע פערוויקעלטע געדאַנקען.

שטשערבאַצקי איז פון זיי אָבגעטראָטען, און קיטי איז צוגעגאַנגען צום גרינעם קאָרטען־טישעל, האָט גענומען אין האַנד דאָס שטיקעל קרייד און האָט אָנגעהויבען אויסצייכענען פונאַנדער־געהענדע קרייזען אויף דעם נייעם גרינעם געוואַנט.

זיי האָבען זיך ווידער צורעדט וועגען דיא פראַגען, וואָס זיינען דיסקוטירט געוואָרען ביים מיטאָג: וועגען פרייהייט און בעשעפטיגונג פאַר דער פרוי. לעווין איז געווען איינפערשטאַנען מיט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַס מיינונג, אַז אַ מיידעל, וואָס האָט ניט חתונה געהאַט, וועט פאַר זיך אימער געפינען פרויען־בעשעפטיגונג אין אַ פאַמיליע. ער האָט דאָס בעשטעטיגט דערמיט, וואָס קיין פאַמיליע קאָן ניט אויסקומען אָהן הילף, וואָס אין יעדער אָרימער אָדער רייכער פאַמיליע זיינען פאַראַן און מוזען זיין ערציהערינס, אייגענע אָדער געדונגענע.

— ניין, — האָט געזאָגט קיטי, רויט ווערענדיג, אָבער אַלץ דרייסטער קוקענדיג אויף איהם מיט איהרע וואַהרהייטליכע אויגען — אַ מיידעל קאָן אַמאָל זיין אין אַזאַ לאַגע, אַז זיא קאָן ניט אריינטרעטען אין פאַמיליען־לעבען אָהן ערנידעריגונג, און אַליין....

ער האָט פערשטאַנען אויף וואָס עס בעציהט זיך איהר אָנדייטונג.

— א, יא! — האָט ער געזאָגט — יא, יא, יא, איהר האָט רעכט, איהר האָט רעכט! און ער האָט אַלעס פערשטאַנען, וואָס פּעסצאָוו האָט געזוכט צו ערקלעהרען וועגען פרויען־פרייהייט; ער האָט דאָס פערשטאַנען, ווייל ער האָט געזעהען אין קיטיס האַרצען דעם מיידעלשען פחד און דיא ערנידעריגונג; ליעבענדיג

זיא האָט ער דערפיהלט דעם פּחד און דיא ערנידעריגונג און האָט זיך גלייך אָבגעזאָגט פון זיינע ארגומענטען.

ביידע זיינען אנשוויגען געוואָרען. זיא האָט אלץ געצייכענט מיט קרייד אויפ׳ן טיש. איהרע אויגען האָבען געשיינט מיט א שטילען גלאַנץ. ער איז געוועזען בעווירקט פון איהר שטימונג און האָט דערפיהלט אין זיין גאַנצען וועזען, וויא אלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווערט ער אָנגעשטריינגט פון גליק.

— אַך! איך האָב פאַרשריבען מיט צייכענס דעם גאַנצען טיש! — האָט זיא געזאָגט, און אוועקלייגענדיג דעם שטיקעל קרייד האָט זיא געמאַכט א בעוועגונג וויא צו געהן.

„וויא־זשע וועל איך בלייבען אליין אָהן איהר?“ — האָט ערשראָקען א טראַכט געטאָהן לעווין און האָט גענומען דעם שטיקעל קרייד — וואַרט, האָט ער געזאָגט, איך האָב שוין אייך לאַנג געוועלט פרעגען איין זאַך.

ער האָט געקוקט איהר גלייך אין דיא וויכע, אָבוואָהל צושראָקענע אויגען.

— ביטע, פרעגט.

— אָט וואָס — האָט ער געזאָגט און האָט אָנגעשריבען דיא ערשטע בוכשטאַבען: וו. א. ה. מ. ג: ד. ק. נ. ז. ה. ד. ג. נ. א. ב. ד.? דיא דאָזיגע בוכשטאַבען האָבען בעדייט: „ווען איהר האָט מיר געענטפערט: דאָס קאָן ניט זיין, האָט דאָס געמיינט נימאלס אָדער בלויז דאַן?“ עס איז ניט געוועזען קיין סברא, אַז זיא זאָל קאָנען פאַרשטעהן דיא דאָזיגע פראַזע; אָבער ער האָט אויף איהר א קוק געטאָהן מיט אזא פּנים, אַז זיין לעבען הייננט אָב דערפון, צו וועט זיא פאַרשטעהן דיא דאָזיגע ווערטער.

זיא האָט אויף איהם ערנסט א קוק געטאָהן, האָט דערנאָך אָנגעשפּאַרט דעם אָנגעוואָלקענטען שטערן אויף דער האַנד און האָט גענומען לעזען. ווײלעוויז פלעגט זיא א קוק טאָהן אויף איהם, האָט געפרעגט איהם מיט איהר בליק: „איז דאָס אזוי, וויא איך טראַכט?“

— איך האָב פערשטאַנען — האָט זיא געזאָגט רויט ווערענדיג.

— נו, וויא מאַכט דאָס דאָזיגע וואָרט? האָט ער געזאָגט אָנווייזענדיג אויף דעם נ. וואָס האָט בעדייט דעם וואָרט: „ניעמאלס“.

— דאָס דאָזיגע וואָרט בעדייט „ניעמאלס“ — האָט זיא געזאָגט — אָבער דאָס איז ניט אמת!

ער האָט שנעל אָבגעווישט דאָס אָנגעשריבענע, האָט איהר געגעבען דאָס קריידעל און האָט זיך אויפגעהויבען. זיא האָט אָנגעשריבען: ד. ה. א. א. נ. ג. ע.

דאללי איז אין גאַנצען געטרויסט געוואָרען פון דעם שמערצליכען געשפּרעך וואָס זיא האָט געהאַט מיט אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש, ווען זיא האָט דערזעהען דיא דאָזיגע צוויי פיגורען: קיטי מיט קרייד אין האַנד און מיט א גליקליכען, שעהמעוודיגען שמייכעל, קוקענדיג פון אויבען אויף לעווינען, און זיין שעהנע פיגור אָנגעבויגען איבער׳ן טיש, מיט פלאַמענדע אויגען, וועלכע ער האָט אויסגעשטעלט דאָס אויפ׳ן טיש, און דאָס אויף איהר. ער האָט פּלוצלונג א שיין געטאָהן: ער האָט פערשטאַנען. איהרע בוכשטאַבען בעדייטען: „דעמאָלט האָב איך אַנדערש ניט געקאָנט.“

ער האָט אויף איהר אַ קוק געטאָהן מיט אַ פראַגע, אונענטשלאָסען.

— בלויז דאַמאַלס ?

— יא ! — האָט געענטפערט איהר שמייכעל.

— און אַ... און איצט ? — האָט ער געפרעגט.

— נו, אָט לעזט איבער. איך וועל אייך זאָגען דאָס, וואָס איך וואָלט געוואונשען. וואָס איך וואָלט זעהר געוואונשען ! — זיא האָט אויפגעשריבען דיא ערשטע בוכשטאַבען : א. ז. ק. פ. א. פ. וו. א. ג. — דאָס האָט בעדייט : „איהר זאָלט קאָנען פערצייהען און פארגעסען וואָס איז געוועזען".

ער האָט אַ כאַפּ געטאָהן דאָס קריידעל מיט אָנגעשטריינגטע ציטערענדע פינגער און האָט אָנגעשריבען שנעל דיא ערשטע בוכשטאַבען פון דיא דאָזיגע ווערטער : „איך האָב ניט וואָס צו פארגעסען און צו פארצייהען. איך האָב ניט אויפגעהערט אייך צו ליעבען".

זיא האָט אויף איהם אַ קוק געטאָהן מיט אַ פעסטען שמייכעל.

— איך האָב פערשטאַנען — האָט זיא שטיל געמורמעלט.

ער האָט זיך געזעצט און אָנגעשריבען אַ לאַנגע פראַזע. זיא האָט אַלעס פערשטאַנען און, ניט פרעגענדיג איהם אויב דאָס איז אַזוי, האָט זיא גענומען און האָט גלייך געענטפערט מיט'ן קרייד.

ער האָט לאַנג ניט געקאָנט פארשטעהן דאָס, וואָס זיא האָט אויפגעשריבען און האָט אָפט אַריינגעקוקט אין איהרע אויגען. זיין שכל איז וויא פערדונקעלט געוואָרען פון גליק. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט צונויפשטעלען דיא ווערטער, וועלכע זיא האָט געמיינט, אָבער אין איהרע שעהנע אויגען, וועלכע האָבען געשיינט פון גליק, האָט ער פערשטאַנען אַלעס, וואָס ער האָט געדאַרפט וויסען. און ער האָט אויפגעשריבען דריי בוכשטאַבען. אָבער ער האָט נאָך ניט צייט געהאַט צו ענדיגען שרייבען, האָט זיא שוין איבערגעלעזען פון אונטער זיין האַנד און זיא האָט אַליין געענדיגט און אויפגעשריבען : יא.

— איהר שפּיעלט זיך אין בעהאַלטענעס ? — האָט געזאָגט דער אַלטער פריסט צוגעהענדיג — נו, עס איז שוין צייט צו פאָהרען, אויב דוא ווילסט נאָך בעוויזען צו זיין היינט אין טהעאַטער.

לעווין האָט זיך אויפגעהויבען און האָט בעגלייט קיטי ביז דער טהיר.

אין זייער געשפּרעך איז שוין אַלעס געוועזען געזאָגט : עס איז געוועזען אַרויסגעזאָגט, אַז זיא ליעבט איהם און אַז זיא וועט דאָס זאָגען איהר פאָטער און מוטער, אַז מאָרגען פריה וועט ער קומען צו זיי צו בעזוך.

## 14.

ווען קיטי איז אוועקגעפאָהרען און לעווין איז געבליעבען אַליין, האָט ער דערפיהלט אַזאַ אונרוהיגקייט אָהן איהר און אַזאַ אונגעדולדיגען פערלאַנג שנעלער צו דערלעבען דעם מאָרגענדיגען טאָג, ווען ער וועט זיא ווידער זעהען און וועט זיך אויף אויביג פעראייניגען מיט איהר, אַז ער האָט זיך דערשראָקען וויא פאר'ן טויט פאר דיא פערצעהן שטונדען, וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו פערברייננגען אָהן איהר. פאר איהם איז געוועזען נויטווענדיג צו זיין מיט וועמען און ריידען מיט וועמען, אום ניט צו בלייבען אַליין, אום אָבצונאַרען דיא צייט.

# אננא קארענינא

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש וואָלט געווען פאַר איהם דער פאַסענדסטער מענש, אָבער ער האָט געדאַרפט פאָהרען, וויא ער האָט געזאָגט, אויף אַן אבענד, אין אמת'ן אָבער האָט דאָס געמיינט אין באַלעט. לעווין האָט בלויז בעוויזען צו זאָגען איהם אַ דאַנק פאַר אַלעס, וואָס ער האָט געטאָהן פון זיינטוועגען. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשעס בליק און זיין שמייכעל האָבען געוויזען לעווינען, אַז ער האָט פערשטאַנען וויא עס דאַרף צו זיין דעם דאָזיגען געפיהל.

נו, וואָס, נאָך ניט צייט צו שטאַרבען? — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַר־קאַדיעוויטש דריקענדיג מילד זיין האַנד.

— נניין! — האָט געזאָגט לעווין.

און דאַריא אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט עפּעס אויך אַזוי וויא אָבגעגעבען איהם מזל־טוב ווען זיא האָט זיך מיט איהם געזעגענט, זאָגענדיג: „וויא פרעהט עס מיך, וואָס איהר האָט זיך ווידער בעגעגענט מיט קיטין, מען דאַרף טהייער האַלטען אַלטע פריינדשאַפט“.

לעווינען זיינען דיא דאָזיגע ווערטער ניט אַנגענעהם געווען. דאַריא אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט ניט געקאָנט פערשטעהן, אַז דאָס אַלעס איז געווען הויך און ניט צוגענגליך פאַר איהר און זיא האָט וועגען דעם ניט געדאַרפט דער־מאָהנען. לעווין האָט זיך מיט זיי געזעגענט, אָבער אום ניט צו בלייבען אַליין האָט ער זיך צוגעבונדען צו זיין ברודער.

— וואוהין פאָהרסט דו?

— איך פאָהר אויף אַ זיצונג.

— פאָהר איך אויך מיט דיר. מעג מען?

— פאַר וואָס ניט, לאָמיר פאָהרען — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָ־וויטש מיט אַ שמייכעל — וואָס איז מיט דיר היינט?

— מיט מיר? מיט מיר איז גליק! — האָט געזאָגט לעווין אראָפּלאָזענ־דיג דעם פענסטערל פון קאַרעטע — מאַכט דאָס דיר ניט אוים? ווארום עס איז שטיקענד הייס. יאַ, מיט מיר איז גליק! פאַר וואָס האָסט דו קיין מאָהל ניט חתונה געהאַט?

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַ שמייכעל געטאָהן.

— איך בין זעהר גערן פאַר דיר; זיא איז דוכט זיך אַ וואוילע מיי...

— האָט געווען אָנגעהויבען סערגיי איוואַנאָוויטש.

— רייד ניט, רייד ניט, רייד ניט! — האָט געשריען לעווין און האָט אַ כאַפּ געטאָהן מיט ביידע הענד סערגייען פאַר ביידע לאַצען פון פוטער, פער־מאַכענדיג זיי.

„זיא איז אַ וואוילע מיידעל“ זיינען געווען פאַר איהם אַזעלכע פשוט'ע נידעריגע ווערטער, וואָס האָבען אַזוי ניט געפּאַסט פאַר זיין געפיהל.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך פרעהליך צולאַכט, וואָס עס פלעגט מיט איהם טרעפען זעהר זעלטען.

— נו, פון דעסטוועגען קאָן מען זאָגען, אַז איך בין זעהר גערן, וואָס אַזוי האָט מיט דיר פּאַסירט.

— דאָס ווערסט דו קאָנען זאָגען מאָרגען, מאָרגען, און ניט מעהר! מעהר

# אננא קארענינא

ניט, מעהר ניט, שווייגען — האָט געזאָגט לעווין פערמאַכענדיג אַלץ דיא לאַצען פון סערגיי׳ס פוטער: — איך האָב דאָך דיך זעהר ליעב! איז וויא־זשע, ווער איך מעגען זיין אויף דער זיצונג?

— געוויס.

— וועגען וואָס האַנדעלט זיך עס ביי אייך היינט? — האָט געפרעגט לעווין און האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען.

זיי זיינען געקומען ענדליך אויף דער זיצונג. לעווין האָט זיך צוגעהערט, וויא דער סעקרעטער האָט געלייענט דעם פּראָטאָקאָל און האָט געשטאַמעלט יעדע ווייליע, קענטיג, ניט פאַרשטעהענדיג דאָס וואָס ער האָט געלעזען. אָבער לעווין האָט געזעהען אויף דעם סעקרעטערס פּנים, וואָס פאַר אַ מילדער, גוטער און פרעכטיגער מענש ער איז. און אַז ער איז אַזאַ האָט מען געקאָנט זעהען דערפון, וויא צוטומעלט ער איז געווען, וויא שעהמענדיג ער איז געווען, לעזענדיג דעם פּראָטאָקאָל.

דערנאָך האָבען זיך אָנגעהויבען רעדען. זיי האָבען דיסקוטירט וועגען אַסיגנירען אַ סוממע פאַר דער דורכפיהרען פון עפּעס אַזעלכע רעהרען, און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַ שטאָך געטאָהן צוויי מיטגליעדער און האָט עפּעס לאַנג, לאַנג און זיעגרייך גערעדט. און יענער מיטגליעדער האָט עפּעס אַלץ פער־שריבען און פערשריבען, און האָט דערנאָך סערגייען געענטפערט זעהר גיפטיג און זעהר מילד. און דערנאָך האָט סוויאַזשסקי, וועלכער איז אויך דאָ געווען, געזאָגט עפּעס זעהר שעהן און גרויסמוטהיג.

לעווין האָט זיי געהערט און האָט קלאָהר געזעהען אַז באמת זיינען דאָ ניט געווען ניט דיא אַסיגנירטע געלדער, ניט דיא רעהרען — קיין זאַך ניט, און אַז אין אמת׳ן איז גאָר קיינער פון זיי ניט אין כעס געווען, ווארום זיי זיינען אַלע געווען אַזעלכע גוטע, וואוילע מענשען און וויא אַלעס געהט צווישען זיי צו אַזוי גוט און אַזוי איידעל. זיי האָבען קיינעם ניט געשטערט אין קיין זאַך און זיי איז אַלעמען געווען אָנגענעהם.

— נו, וואָס, ביסט דוא צופריעדען? — האָט ביי איהם אַ פרעג געטאָהן סערגיי איוואַנאָוויטש.

— זעהר. איך האָב גאָר ניט געטראַכט, אַז דאָס זאָל זיין אַזוי אינטערע־סאַנט! שעהן! פּרעכטיג!

סוויאַזשסקי איז אונטערגעקומען צו לעווינען און האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך טהעע טרינקען. לעווין האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטעהן און דער־מאָנען זיך פאַר וואָס ער איז געווען אַזוי אונצופריעדען ביי דיא סוויאַזשסקיס, ווען ער איז געווען ביי זיי צו גאַסט און וואָס האָט ער געוועלט פון איהם. ער איז דאָך אַזאַ קלוגער און וואונדערליך גוטער מענש.

— זעהר גערן — האָט לעווין געענטפערט אויף זיין איינלאַדונג און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין פרוי און אויף זיין שוועגערין. און אַזוי וויא אין זיין פאָרשטעלונג האָט זיך אימער דער געדאַנק וועגען סוויאַזשסקיס שוועגערין פער־בונדען מיט הייראַטה, איז דורך דער זאָנדערבאַרער פערבינדונג פון געדאַנקען איהם אַרויפגעקומען אויפ׳ן זינען, אַז פאַר קיינעם איז ניט אַזוי פּאַסיג צו דער־

צעהלען וועגען זיין גליק, וויא סוויאזשסקים פרוי און סוויאזשסקים פלימעניצע און ער איז ז׳ארום געוועז גערן צו פאהרען צו זיי.

סוויאזשסקי האט זיך ביי איהם נאכגעפרעגט וועגען זיינע פלענער צו לאנד, און וויא אימער האט ער גערעכענט, אז עס איז אונמעגליך צו געפינען עפעס, וואס איירופא האט נאך ניט געפונען. סוויאזשסקים דאמען זיינען געווען בעזאנדערנס ל׳עבליך. לעווינען האט זיך אויסגעוויזען, אז זיי ווייסען שוין אלעס און סימפאטיזירען מיט זיין גליק, נור זיי זאגען דאס איהם ניט אויס איידעלקייט. ער האט ביי זיי פערבראכט צוויי־דריי שטונדען, ריידענדיג וועגען פערשיעדענע־ערליי זאכען, נור געטראכט האט ער אלץ וועגען דאס, וואס האט אנגעפיללט זיין הארץ און האט ניט באמערקט, אז עס איז שוין שפעט, אז ער האט זיי שוין דערעסען און אז פאר זיי איז שוין צייט צו געהן שלאפען.

סוויאזשסקי האט איהם בעגלייט ביז צו דער טהיר, געניצענדיג און וואונדערענדיג זיך איבער דעם זאנדערבארען צושטאנד, אין וועלכען עס געפינט זיך זיין פריינד. עס איז שוין געווען נאך איינס אוהר. לעווין איז אוועק צו זיך אין האטעל און האט זיך דערשראקען פאר דעם געדאנק, אז ער איז איינער אליין און אז עס בלייבען איהם נאך גאנצע צעהן שטונדען ביז וואנען ער וועט זיין ביי קיטין. דער וואכענדער לאקיי האט פאר איהם אנגעצונדען ליכט און האט שוין געוועלט ארויסגעהן, אבער לעווין האט איהם אבגעהאלטען. דער דאזיגער לאקיי, יעגאר, וועלכען לעווין האט פריהער עפעס וויא גאר ניט באמערקט, האט זיך בעוויזען צו זיין א קלוגער, א שעהנער און הויפטזעכליך א גוטער מענש.

— וואס־זשע, עס איז אפנים א שווערע זאך, יעגאר, ניט צו שלאפען?

— וואס קאן מען מאכען! אונזער ארבייט איז שוין אזא. ווען מען דינט ביי א פריץ האט מען מעהר רוה, אבער דערפאר טראגט דא בעסער איין.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז יעגאר האט א פאמיליע, דריי אינגלעך און א טאכטער א נעהטארין, וועלכער ער וויל חתונה מאכען מיט א פריקאזטשיק, וואס דינט אין א קלייט.

לעווין האט ביי דער דאזיגער געלעגענהייט געגעבען יעגארען צו פארשטעהן, אז אין הייראטה איז דער עיקר ליעבע און אז ווען מען הייראטה אויס ליעבע קאן מען אלע מאל גליקליך זיין, ווארום גליק געפינט מען בלויז אין זיך גופא.

יעגאר האט אויפמערקזאם אויסגעהערט איהם און האט, וויא עס האט געשיינט, איהם גוט פערשטאנען, און אלס בעוויז דערצו האט ער לעווינען דערצעהלט גאר א גאנצע מעשה וועגען זיך, וויא ער האט פריהער געדינט ביי גוטע פריצים און ער איז שטענדיג געווען צופריעדען פון זיינע בעלי־בתים און איצט איז ער אויך צופריעדען מיט זיין בעל־הבית, הגם דער בעל־הבית איז גאר א פראנצויז.

— וואונדערליך, וואס פאר א גוטער מענש! — האט געטראכט לעווין.

— נו, און ווען דוא האסט חתונה געהאט, יעגאר, האסט דוא ליעב געהאט דיין פרוי?

— וויא דען, אז ניט ליעבען — האט געענטפערט יעגאר.

# אננא קארעגינא

און לעווין האָט געזעהען אַז יעגאָר געפינט זיך אויף אין א געהויבענער שטימונג און וויל דערצעהלען זיינע טיעפסטע געפיהלען.

— מיין לעבען איז אויך אַ וואונדערבארער. פון קליינווייז אויף בין איך... — האָט ער אָנגעהויבען, גלענצענדיג מיט דיא אויגען. ער איז אפּנים אָנגעשטעקט געוואָרען פון לעווינס געהויבענקייט, וויא מענשען ווערען אָנגעשטעקט פון געניצען.

אָבער אין דער צייט האָט זיך דערהערט א קלונג פון גלעקעל. יעגאָר איז אַוועק און לעווין איז געבליעבען אַליין. ער האָט כמעט גאָרנישט געגעסען צו מיטאג, האָט זיך ענטזאגט אויך פון טהעע און אבענד ברויט, ווען ער איז געווען ביי דיא סוויאזשסקים, אָבער וועגען עסען איצט האָט ער פון דעסטוועגען ניט געקאָנט טראַכטען. ער האָט פאָריגע נאכט ניט געשלאָפען, פון דעסטוועגען האָט ער וועגען שלאָפען איצט ניט געטראכט. אין צימער איז געווען קיהל, אָבער איהם האָט געשטיקט א היץ. ער האָט געעפענט ביידע פערטלען פון פענסטער און האָט זיך געזעצט אויפ׳ן טיש געגען פענסטער.

פון איבער׳ן דאַך, וואָס איז געווען באדעקט מיט שנעע, האָט זיך געזעהען אַן אוזאָריגער צלם אויף אַ געל־גלאנציגען קופּאל, און העכער דערפון דיא שטערען. ער האָט געקוקט אויפ׳ן צלם, אויף דיא שטערען, האָט ארייגגעאטהעמט אין זיך דיא פרישע פראָסטיגע לופט, און האָט, וויא אין חלום, נאָכגעפאָלגט דיא בילדער, וואָס זיינען ארויפגעשוואומען אין זיין עראינערונג. א זייגער פיער האָט ער דער־הערט טריט אין קארידאָר און ער האָט זיך איינגעקוקט אין טהיר. דאָס האָט זיך אומגעקעהרט זיינער א בעקאנטער שפּיעלער מיאסקין פון קלוב. ער איז געגאנגען א טרויעריגער, אָנגעבלאָזען און האָט זיך אָבגעהוסט.

„אָרעמער אונגליקליכער", האָט א טראכט געטהאָן לעווין, און טרעהרען זיינען איהם אָנגעלאָפען אין דיא אויגען אויס ליעבע און רחמנות פאַר דעם דאָ־זיגען מענשען. איהם האָט זיך געוועלט ריידען מיט איהם, טרויסטען איהם, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער איז אין איין העמד, האָט ער זיך צוריק אוועק־געזעצט געגען דעם אָפענעם פערטעל פון פענסטער אום צו באָדען זיך אין דער קאַלטער לופט און קוקען אויף דער וואונדערליכער פאָרם פון צלם און אויף דיא שטערען, וואָס האָט איצט פאַר איהם געהאט עפּעס א בעזונדער בעדייטונג. ארום זיבען אוהר האָט זיך אָנגעהויבען א טומעל פון דיא דילען־וואשער, גלאָקען האָבען אָנגעהויבען צו קלינגען צו עפּעס א גאָטעס־דינסט און לעווין האָט דערפיהלט, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו פריערען. ער האָט פערמאכט דעם פערטעל פון פענסטער, האָט זיך איינגעוואשען און איז ארויס אויף דער גאַס.

## 15.

דיא גאַסען זיינען נאָך געוועזן לעער. לעווין איז אוועק צו שטשערבאַצקים הויז. דיא פאַראַדנע טהירען זיינען געוועזן פערשלאָסען און אַלעס האָט געשלאָפען. ער איז אוועק צוריק, איז אריין אין זיין נומער און האָט געהייסען זיך דערלאנגען קאַפּעע. דער טאָג־לאַקיי, שוין ניט יעגאָר, האָט פאַר איהם אריינגעטראָגען קאַפּעע. לעווין האָט געפּרופּט א זופּ טאָהן קאַפּעע און אריינגעהמען א שטיק קוילעטש אין מויל, אָבער זיין מויל האָט לחלוטין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָהן מיט דעם שטיק קוילעטש. ער האָט אויסגעשפּייט דעם קוילעטש, האָט אָנגעטאָהן דעם מאַנטעל און איז ווידער ארויס דרויסען, ארומצוגעהן. עס איז שוין געוועזן נאָך נייען, ווען ער איז צום צווייטען מאָל צוגעגאַנגען צו שטשערבאַצקים הויז. אין הויז איז מען נור־וואָס אויפגעשטאַנען, און דער קוכער איז געגאַנגען נאָך פּראָוויזיאָן. ער דאַרף נאָך איבערלעבען מינדעסטען צוויי שטונדען.

דיא גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצען אין־דער־פריה האָט לעווין געלעבט לחלוטין אונבעוואוסט און ער האָט זיך געפיהלט אין גאַנצען אויסגעשלאָסען פון דיא מאַטעריעלע אומשטענדען פון לעבען. ער האָט ניט געגעסען א גאַנצען טאָג, ניט געשלאָפען צוויי נעכט, האָט פערבראַכט עטליכע שטונדען אָן אויסגעטאָהנענער אין פראָסט און האָט זיך געפיהלט ניט נור פריש און געזונד, וויא ער האָט זיך פריהער קיין מאָל ניט געפיהלט, נור ער האָט זיך געפיהלט אויך פאָלשטענדיג אונאַבהענגיג פון קערפּער: ער האָט זיך באַוועגט אָהן דער מינדעסטער אנשטרענגונג פון זיינע מוסקולען און ער האָט געפיהלט, אַז ער קאָן אַלעס טאָהן. ער איז געוועזן זיכער, אַז ער וואָלט אפילו פליהען אין דער הויך, אז ער וואָלט געקאָנט אראָברוקען א הויז פון פּלאַץ, אויב עס זאָל בלויז נויטיג זיין. ער איז דיא איבריגע צייט ארומגעגאַנגען איבער דיא גאַסען, יעדע ווייליע קוקענדיג אויפ׳ן זייגער און אומקוקענדיג זיך איןביידע זייטען.

און געזעהען האָט ער דעמאָלט, וואָס ער האָט דערנאָך שוין קיין מאָהל מעהר ניט געזעהען. בעזונדערנס דיא קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען אין שוהל, דיא טויבען, וואָס זיינען אראָבגעפלויגען פון דאַך אויפ׳ן טראָטואַר, און דיא פלעצלעך מיט מעהל בעשאָטענע, וועלכע אַן אונגעזעהענע האַנד האָט אויסגעשטעלט, דאָס אַלעס האָט איהם זעהר גערירט. דיא פלעצלעך, דיא טויבען און דיא קינדער זיינען געוועזן ניט קיין ערדישע וועזענס. דאָס אַלעס איז געוועזן אין איין צייט: א אינגעל איז צוגעלאָפען צו א טויב און האָט שמייכלענדיג א קוק געטאָהן אויף לעווינען; א טויב האָט א קנאַק געטאָהן מיט דיא פליגלען און א פלאַטער געטאָהן ארויף, גלענצענדיג אין דער זונן, און פון פענסטער האָט א ציה געטאָהן זיך דער ריח פון געבאַקטען ברויט און עס זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרען דיא פלעצלעך. דאָס אַלעס איז געוועזן אזוי אונגעוועהנליך גוט, אז לעווין האָט זיך צולאַכט און האָט זיך צואווייַנט פון שמחה.

מאכענדיג א גרויסען קרייז ביז ער איז צוגעגאנגען צים גאזעטנעם געסעל, האט ער זיך א קעהר געטאהן צוריק צו זיין האטעל און אוועקלייגענדיג לעבען זיך דעם זייגערעל, האט ער זיך געזעצט און האט געווארט ביז עס וועט ווערען צוועלף. אין דעם צווייטען צימער האט מען עפּעס גערעדט וועגען מאשינען און וועגען אבנארעריי און מען האט זיך אבגעהוסט מיט דעם אין־דער־פריהיגען הוסט. זיי האבען ניט פערשטאנען, אז דיא ווייזער ווייזען שוין באלד אויף צוועלף. דיא ווייזער זיינען ענדליך צוגעקומען צו צוועלף און לעווין איז ארויס אויפ׳ן גאניק. דיא איזוואזטשיקעס האבען אפּנים אלעם געוואוסט. מיט גליקליכע פּנים׳ער האבען זיי זיך ארומגעקליבען ארום לעווינען, האמפּערענדיג זיך צווישען זיך און האבען פארגעלייגט זייער בעדינונג.

זוכענדיג ניט צו פארלעצען דיא איבעריגע איזוואזטשיקעס און פארשפּרעכענדיג זיי, אז ער וועט מיט זיי אויך פאהרען, האט לעווין גענומען איינעם און געהייסען איהם פאהרען צו דיא שטערבאצקים. דער איזוואזטשיק איז געוועזען א פּראכט אין זיין ווייסען קאלנער פון העמד, וואס האט זיך ארויסגערוקט פון אונטער זיין קאפטאן און אנגעצויגען ארום זיין אנגעגאסענעם, רויטען, קרעפטיגען נאקען. דעם איזוואזטשיקס שליטעל איז געוועזען א הויכע, שעהנע, אויף אזא שעהנער איז לעווין דערנאך שוין קיין מאהל מעהר ניט געפאהרען, און דער פערד איז געוועזען א גוטער, האט זיך אנגעשטריינגט צו לויפען, האט זיך אבער ניט גערוקט פון ארט. דער איזוואזטשיק האט געוואוסט, וואו שטשערבאצקים הויז איז און ער האט מיט א בעזונדער רעספּעקט פאר זיין פּארשוין אויסגערונדעט דיא הענד און א זאג טאהנ׳דיג „טפּרו“, האט ער א האלט געטאהן אויף צוריק ביים צופאהר. שטשערבאצקים לאקיי האט שוין מסתמא אלעם געוואוסט. דאס האט מען געקאנט זעהען פון זיינע שמייכעלדיגע אויגען און דערפון וויא ער האט א זאג געטאהן:

— נו, שוין לאנג ביי אונז ניט געוועזען, קאנסטאנטין דעמיטריעוויטש!

ניט נור האט ער אלעס געוואוסט, נור ער איז, וויא עס האט אויסגעזעהען, געוועזען אין איין שמחה און האט געזוכט צו בעהאלטען זיין שמחה. לעווין האט א קוק געטאהן אין זיינע מילדע, אלטע אויגען און האט פערשטאנען גאר עפּעס נייעס אין זיין בליק.

— זיינען זיי שוין אויף?

— ביטטע? און דאס לאזט דא — האט ער געזאגט שמייכלענדיג, ווען לעווין האט זיך געוואלט אומקעהרען נעהמען דיא היטעל. דאס האט עפּעס געהאט א בעדייטונג.

— וועמען הייסט איהר מעלדען וועגען אייך? — האט א פרעג געטאהן דער לאקיי.

— דער פירסטין . . . דעם פירסט . . . דער טאכטער . . . — האט געזאגט לעווין.

דער ערשטער פּנים, וועלכען ער האט דערזעהען איז געוועזען מאדמאזעל לינאן׳ס. זיא איז דורכגעגאנגען אין זאל און איהר פּינם האט געשיינט. ער האט נור־וואס מיט איהר אנגעהויבען ריידען וויא הינטער דער טיהר האט זיך

# אננא קארעני נא

דערהערט דאָס רוישען פון א קלייד און מאַדמאַזעל לינאַן איז פערשוואונדען פון לעווין'ס אויגען און ער האָט דערפיהלט א פריידענס־שרעק פון'ם נאָהענטען גליק. וויא נור מאַדמאַזעל לינאַן איז אוועק האָט זיך דערהערט איבער'ן פּאַרקעט שנעלע־שנעלע טריט, שנעלע און לייכטע, און זיין גליק, זיין לעבען, ער אליין, דאָס בעסטע פון איהם אליין, דאָס וואָס ער האָט געזוכט און געווינשט אזוי לאַנג האָט זיך שנעל־שנעל דערנעהענטערט צו איהם. זיא איז ניט געגאַנגען, נור האָט זיך געטראָגען צו איהם מיט אן אונגעזעהענער קראַפט.

ער האָט געזעהען בלויז איהרע קלאָהרע, וואָהרהייטליכע אויגען, דער־שראָקענע פון דערזעלבער ליעבעס־פרייד, וועלכע האָט אָנגעפילט זיין הארץ. דיא דאָזיגע אויגען האָבען געלויכטען אַלץ נעהנטער און נעהנטער, בלענדענדיג איהם מיט זייער ליעבעס־ליכטיגקייט. זיא האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען איהם גופא, בעריהרענדיג איהם. איהרע הענד האָבען זיך אויפגעהויבען און האָבען זיך אראָבגעלאָזען איהם אויף דיא אַקסלען.

זיא האָט געטהאָן אַלעס וואָס זיא האָט געקאָנט: זיא איז צוגעלאָפען צו איהם און האָט זיך איהם איבערגעגעבען ציטערענדיג און פרעהענדיג זיך. ער האָט זיא ארומגענומען און האָט צוגעדריקט זיינע ליפּען צו איהר מויל, וועלכער האָט געזוכט זיין קוש.

זיא האָט אויך ניט געשלאָפען דיא גאַנצע נאַכט און האָט דעם גאַנצען אין־דער־פריה געוואַרט אויף איהם.

איהר מוטער און פאַטער זיינען אָהן שום צווייפעל איינשטימיג און זיינען גליקליך פון איהר גליק. זיא האָט אויף איהם געוואַרט. זיא האָט אַליין דיא ערשטע געוואָלט איהם אָנזאָגען דיא בשורה פון איהר גליק און פון זיינעם. זיא האָט זיך פאַרגעברייט אַליין איהם צו בעגעגענען און האָט זיך געפרעהט דיינקענ־דיג אַז זיא וועט עס טאָהן און האָט געציטערט און האָט זיך געשעהמט און האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס זיא וועט טאָהן. זיא האָט דערהערט זיינע טריט און זיין שטימע און האָט געוואַרט הינטער דער טיהר, ביז וואַנען מאַדמאַזעל לינאַן וועט אוועק. מאַדמאַזעל לינאַן איז אוועק, און זיא, ניט טראַכטענדיג, ניט פרעגענדיג זיך, איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט געטאָהן דאָס, וואָס זיא האָט געטאָהן.

— לאָמיר געהן צו דער מאַמאַ! — האָט זיא געזאָגט נעהמענדיג איהם פאַר דער האַנד. ער האָט לאַנג גאָרנישט געקאָנט זאָגען, ניט אַזוי דערפאַר, ווייל ער זאָל מורא האָבען מיט ווערטער צו פערדאַרבען דיא געהייבענקייט פון זיין געפיהל, נור מעהר דערפאַר, ווייל וויא נור ער פלעגט וועלען עפּעס זאָגען, האָט ער געפיהלט, אַז אַנשטאַט ווערטער וועלען זיך ביי איהם אַרויסרייסען טרעהרען פון גליק. ער האָט אָנגענומען איהר האַנד און אַ קוש געטאָהן.

— זאָל דאָס מעגליך זיין, אַז דאָס איז אַן אמת? — האָט ער גע־זאָגט ענדליך מיט אַ פערשטיקטער שטימע — איך קאָן ניט גלויבען אַז דוא ליעבסט מיך.

זיא האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל אויף זיין „דוא" און אויף דער שעהמעוודיגקייט, מיט וועלכער ער האָט אַ קוק געטאָהן אויף איהר.

— יא! — האָט זיא געענטפערט לאנגזאם און בעדייטונגספול — איך בין אזוי גליקליך!

ניט ארויסלאָזענדיג זיין האנד, איז זיא מיט איהם אריין אין גאסט־צימער. וויא דיא פירסטין האָט זיי דערזעהען האָט זיא אָנגעהויבען שנעל אָב־צואטהעמען זיך און האָט זיך באלד צואוויינט, און גלייך נאָך דעם צולאכט, און מיט ענערגישע שריטע, וועלכע לעווין האָט ניט ערווארט פון איהר איז זיא צוגעלאָפען צו לעווינען, האָט ארומגעכאפּט זיין קאָפּ, האָט איהם א קוש געטאָהן און בענעצט מיט איהרע טהרערען זיינע באקען.

— הייסט עס אלעס געענדיגט! וויא דאָס פרעהט מיך! ליעב זיא. איך בין דערפרעהט . . . קיטי!

— גיך זיך איינגעאָרדענט! — האָט א זאָג געטאָהן דער אלטער פירסט, זוכענדיג צו זיין גלייכגילטיג; אָבער לעווין האָט באמערקט, אז זיינע אויגען זיינען געווען פייכט, ווען ער האָט זיך צו איהם געווענדעט — איך האָב דאָס שוין לאנג און תמיד אזוי געוואונשען — האָט געזאָגט דער פירסט אָננעהמענדיג לעווין'ס האנד און האָט איהם צוגעצויגען צו זיך — איך האָב נאָך דעמאָלט אפילו, ווען דיא דאָזיגע לייכטזיניגע האָט . . .

— פּאפּא! — האָט א געשריי געטאָהן קיטי און האָט מיט איהרעביידע הענד פערדעקט זיין מויל.

— נו, איך וועל ניט! — האָט ער געזאָגט — איך בין זעהר, זעהר . . צופרידען . . . אך, וואָס פאר א נאר איך בין . . .

ער האָט ארומגענומען קיטי, האָט א קוש געטאָהן איהר פּנים, דיא האנד, ווידער דעם פּנים און האָט זיא איבערגע'צלם'ט.

און לעווין האָט אָנגעכאפּט א נייעס געפיהל פון ליעבע צו דעם דאָזיגען מענשען, וועלכער איז איהם פריהער געווען גאנץ פרעמד; ער האָט ליעב בע־קומען דעם פירסט, זעהענדיג וויא קיטי האָט לאנג און צערטליך געקושט זיין פליישיגע האנד.

## 16.

דיא פירסטין איז געזעסען אין פוטעל שווייגענדיג און האָט געשמייכעלט; דער פירסט האָט זיך געזעצט לעבען איהר. קיטי איז געשטאנען לעבען דעם פאטערס פוטעל, אלץ ניט ארויסלאָזענדיג זיין האנד. אלע האָבען געשוויגען.

דיא פירסטין איז געווען דיא ערשטע, וואָס האָט אלעס אָנגערופען מיט נעמען און האָט איבערגעטראָגען אלע געפיהלען און געדאנקען אין לעבענס־פראַגען און פאר אלעמען גלייך האָט עס אויסגעוויזען אויף דער ערשטער מינוט זאָנ־דערבאר און זאָגאר פערדרוסליך.

— וועז־זשע? מען דארף דאך בענשען זיי און מאכען אן ערקלעהרינג. און ווען וועט זיין חתונה? וויא דיינקסט דוא, אלעקסאנדר?

— דא איז ער דאך אליין — האט געזאגט דער אלטער פירסט אנווייזענדיג אויף לעווינען — ער איז דא דיא הויפט־פערזאן.

— ווען? — האט געזאגט לעווין רויט ווערענדיג — מארגען. אויב איהר פרעגט מיך, איז פון מיינט וועגען קאן זיין היינט דיא עלטערנס ברכה און מארגען דיא חתונה.

— נו, הער אויף, מאן שער, דומהייטען.

— זאל זיין אין א וואך ארום.

— ער איז דאך גאר וויא א וואהנזיניגער.

— ניין, פאר וואס זאל דאס ניט קאנען זיין?

— בעטראכט דאך אבער! — האט געזאגט דיא מוטער פרעהלאך שמייכלענדיג פון זיין איילעניש — און נדן?

„וועט דען אויך זיין נדן און דיא אלע זאכען? — האט א טראכט געטאהן לעווין — נור איבעריגענס, קאן דען נדן און עלטערנס ברכה און דיא אלע זאכען, קאן דאס שאדען מיין גליק? קיין זאך קאן מיין גליק ניט שעדיגען! — ער האט א קוק געטאהן אויף קיטי און האט באמערקט, אז דער געדאנק וועגען נדן און וועגען דיא אלע צערעמאניעס איז פאר איהר גאר ניט אויסגעקומען בעליידיגענד — מסתמא דארף מען דאך אזוי“, האט ער א טראכט געטאהן.

— איך וויים דאך ניט, איך האב בלויז ארויסגעזאגט מיין וואונש — האט ער זיך ענטשולדיגט.

— וועלען מיר וועגען דעם נאך מישב זיין זיך. דערווייל קאן מען דאס אפיציעל ערקלעהרען. אזוי בלייבט עס.

דיא פירסטין איז צוגעגאנגען צו דעם מאן, האט איהם א קוש געטאהן און האט געוואלט געהן, אבער ער האט זיא צוריקגעהאלטען, האט זיא ארומגענומען און האט זיא עטליכע מאהל צערטליך אנגעקושט וויא א יונגער פערליעבטער. דיא אלטע האבען, וויא עס האט אויסגעוויזען, זיך א ווייליע פערפלאנטערט און האבען ניט געוואוסט אויף בעשטימט, אויב זיי זיינען דאס דיא פערליעבטע אדער דאס איז זייער טאכטער.

ווען דער פירסט מיט דער פירסטין זיינען ארויסגעגאנגען, איז לעווין צו־געגאנגען צו זיין כלה און האט אנגענומען איהר האנד. ער האט שוין איצט זיך באהערשט און האט געקאנט ריידען. ער האט געהאט פיעל, פיעל וואס צו זאגען איהר. אבער געזאגט האט ער גאר ניט דאס, וואס איז נויטיג געווען.

— איך האב געוואוסט אז עס וועט אזוי זיין! איך האב קיין מאל ניט געהאפט; אבער טיעף אין הארצען בין איך שטענדיג געווען זיכער — האט ער געזאגט — איך גלויב, אז דאס איז א באשערטע זאך.

— און איך? — האט זיא געזאגט — האב אפילו נאך דעמאלט... — זיא האט זיך אבגעשטעלט און האט אויף איהם א קוק געטאהן ענטשלאסען מיט איהרע וואהרהייטליכע אויגען, זאגענדיג ווייטער — אפילו דעמאלט ווען איך האב פון זיך אבגעשטויסען מיין גליק. איך האב שטענדיג געליעבט בלויז איך

איינעם, אָבער איך בין געווען הינגעריסען. איך מוז זאָגען... קאָנט איהר דאָס פארגעסען?

— עס קאָן זיין, א דאָס איז דוקא געווען צו גוטען. איהר מוזט מיר פיעלעס פערצייהען. איך מוז אייך זאָגען....

דאָס איז געווען איינע פון דיא זאַכען, וואָס ער האָט גערעכענט פאר נויטיג איהר צו דערצעהלען. ער האָט ביי זיך בעשלאָסען צו זאָגען איהר צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז ער איז ניט אַזוי ריין, וויא זיא איז, און צווייטענס, אַז ער איז ניט קיין גלויביגער. דאָס איז געווען אַן אָבקומענעס, אָבער ער האָט גערעכענט, אַז ער איז מחויב איהר צו זאָגעןביידע זאַכען.

— ניין, ניט איצט, זאָל זיין דערנאָך! — האָט ער געזאָגט.

— גוט, דערנאָך, אָבער איהר מוזט מיר דאָס זאָגען. איך האָב פאר קיין זאַך קיין מורא ניט. איך דארף אַלעס וויסען. איצט איז דאָך שוין אַלעס גע־ענדיגט.

ער האָט דערזאָגט:

— געוויס געענדיגט דאָס, אַז איהר וועט מיך נעהמען א וועלכער איך זאָל ניט זיין... איהר וועט זיך פון מיר ניט אָבזאָגען?... יא?

— יא, יא.

זייער געשפּרעך איז איבערגעריסען געוואָרען פון מאדמאזעל ליגאן, וועלכע האָט, אָבוואָהל פארשטעלטערהייט, אָבער דאָך צערטליך געשמייכעלט און איז געקומען גראַטולירען איהר געליעבטע שילערין. זיא האָט נאָך ניט צייט געהאַט ארויסצוזאָגען, וויא דיא דינער זיינען אריינגעקומען גראַטולירען. דערנאָך זיינען געקומען צופאָהרען פערוואַנדטע, און עס האָט זיך אָנגעהויבען יענער גליקליכער טומעל, פון וועלכען לעווין איז ניט ארויס ביז אויף מאָרגען נאָך דער חתונה. לעווין האָט שטענדיג געפיהלט דערפון עפּעס אונבעקוועם און לאַנגווייליג, אָבער דיא אנשטריינגונג פון גליק האָט זיך געצויגען און איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרען.

ער האָט שטענדיג געפיהלט, אַז פון איהם פאָדערט זיך נאָך עפּעס פיעל זאַכען וואָס ער דארף טאָהן און וויים ניט וויא צו טאָהן, אָבער ער האָט געטאָהן אַלעס וואָס מען האָט איהם געזאָגט, און דאָס אַלעס האָט איהם געגעבען גליק. ער האָט געמיינט אַז זיין שידוך וועט ניט זיין עהנליך צו אַנדערע שידוכים, אַז דיא געוועהנליכע אומשטענדען פון שליסען שידוכים און חתונה־צערעמאָניעס וועלען בלויז פערדארבען זיין בעזונדער גליק, אָבער געענדיגט האָט זיך דערמיט, וואָס ער האָט געטאָהן דאָס זעלביגע, וואָס אַנדערע, און זיין גליק איז דערפון בלויז פארגרעסערט געוואָרען און איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר א בעזונדער גליק, זיין גליק, צו וועלכען קיינע אַנדערע זיינען ניט גלייך.

— איצט וועלען מיר עסען קאָנפעקטען — האָט געזאָגט מאדמאזעל ליגאן און לעווין איז געפאָהרען און איינגעקויפט קאָנפעקטען.

— גראַטולירע, איך בין זעהר גערן, האָט געזאָגט סוויאזשסקי — און בו־קעטען ראטה איך אייך צו באַשטעלען ביי פאָמינען.

— דארף מען דאָס האָבען? — און לעווין איז געפאָהרען צו פאָמינען.

# אננא קארענינא

דער ברודער זאָגט איהם, אז מען דארף לייהען געלד, ווארום עס וועלען זיין גרויסע הוצאות, מתנות....

— דארף מען מתנות? און ער איז געשפּרונגען צו פולדע.

און אומעטום, אין קאנדיטערײ, ביי פאמינען און ביי פולדען האָט ער געזעהען, אז מען האָט איהם ערוואַרט, מען האָט זיך מיט איהם דערפרייעהט און מען פיהלט זיך געהויבען פון זיין גליק; אזוי אלע און אלעם אין דיא דאָזיגע טעג. אונגעוועהנליך איז געווען דאָס וואָס איהם האָבען אלע ניט בלויז געליעבט, נור אפילו דיא מענשען, וואָס זיינען פריהער געווען אונסימפּאַטיש, קאַלט און גלייכגילטיג, זיינען איצט גאָר ענטציקט פון איהם, פאָלגען איהם און בעגעהן זיך מיט איהם איידעל, ווייך און האָבען געטהיילט זיין מיינונג, אז ער איז דער גליקליכסטער מענש, ווארום ער קריגט אַ כלה, וואָס איז דיא העכסטע פאָלקאָמענהייט.

דאָסזעלביגע האָט אויך געפיהלט קיטי. און ווען גרעפין נאָרדסטאָן האָט זיך ערלויבט צו מאַכען אַן אָנדייטונג וועגען דעם, אז זיא האָט געוואונשען פאַר איהר אפילו עפּעס בעסערעס, איז קיטי אזוי אויפגעבראַכט געוואָרען און האָט מיט אזא איבערצייגונג געוויזען, אז קיין בעסערעס איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, אז גרעפין נאָרדסטאָן האָט דאָס געמוזט אנערקענען און אין קיטיס אנוועזענהייט האָט זיא קיינמאָל ניט בעגעגענט לעווינען און זאָל ניט אַ שמייכעל טאָהן פון ענטציקונג.

איין שווערע עראייגניס איז געווען און דאָס איז געווען דיא ערקלעהרונג, וואָס ער האָט איהר פערשפּראָכען צו מאַכען. ער האָט זיך אַן עצה געהאַלטען מיט דעם אַלטען פירסט און, בעקומענדיג זיין ערלויבניס, האָט ער איבערגעגעבען קיטין זיין טאָגע-בוך, אין וועלכען עס איז געווען פערשריבען דאָס וואָס האָט איהם געמאַטערט. ער האָט טאַקע געפיהרט דאַמאָלט דעם טאָגע-בוך, האָבענדיג אין זינען זיין צוקונפטיגע כלה. איהם האָבען געמאַטערט צוויי זאַכען: זיין ניט-אונשולד און זיין ניט-גלויבען. זיין מודה זיין זיך פאַר איהר אז ער איז ניט קיין גלויביגער איז פערביינגעגאַנגען אונבעמערקט. אמת, זיא איז געווען רעליגיעז, האָט קיין מאָהל ניט געצווייפעלט אין דיא וואַהרהייטען פון רעליגיאָן, אָבער זיינע אויסערליכע אפיקורסות האָט איהר גאָר אפילו אַ האָאר ניט פעררירהרט. זיא האָט מיט איהר ליעבע געזעהען זיין גאַנצע נשמה און אין זיין נשמה האָט זיא געפונען דאָס, וואָס זיא האָט געווינשט; און דאָס וואָס אזא צושטאַנד פון דער נשמה רופט מען אונגלויבען, דאָס איז פאַר איהר געווען גאַנץ עגאַל. דיא אַנדער ערקלעהרונג, אָבער, האָט איהר געבראַכט ביטערע טרעהרען.

לעווין האָט איהר איבערגעגעבען, ניט אָהן אינערליכען קאַמפּף, זיין טאָגעבוך. ער האָט געוואוסט אז צווישען איהם און איהר קאָן ניט און דאַרפען ניט זיין קיין סודות, און דארום האָט ער בעשלאָסען, אז אזוי דארף ער טאָהן; ער האָט זיך אָבער קיין רעכענונג ניט געגעבען, וויא דאָס קאָן ווירקען, ער האָט זיך ניט אריבערגעטראָגען אין איהר. בלויז דאַן, ווען ער איז אין אָבענד, בעפאָר געהן מיט איהר אין טהעאַטער, אריינגעקומען אין איהר צימער און האָט דערזעהען זיא אַ פאַרוויינטע, אַן אונגליקליכע, פון דיא יסורים וואָס ער האָט איהר פערשאַפט און וואָס עס קאָן שוין ניט פערריכט ווערען, האָט ער ערשט פערשטאַנען דעם תהום,

וואָס האָט אָבגעטהיילט זיין שענדליכע פערגאַנגענהייט פון איהר טייבעלשער ריינקייט, און ער האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין טהאַט.

— נעהמט אוועק, נעהמט אוועק דיא דאָזיגע שרעקליכע ביכער! — האָט זיא געזאָגט אָבשטויסענדיג פון זיך דיא העפטען, וואָס זיינען געלעגען פאַר איהר אויפ'ן טיש, — צו וואָס האָט איהר זיי מיר געגעבען!... ניין, עס איז אָבער דאָך בעסער אזוי, — האָט זיא געזאָגט רחמנות האָבענדיג אויף איהם, זעהענדיג זיין פערצווייפלונג — אָבער דאָס איז דאָך שרעקליך, שרעקליך!

ער האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געשוויגען. ער האָט קיין זאַך ניט געקאָנט זאָגען.

— איהר וועט מיר קיין מאָהל ניט פערצייהען — האָט ער געמורמעלט.

— ניין, איך האָב פערצייהעט. אָבער דאָס איז דאָך שרעקליך!

פון דעסטוועגען איז זיין גליק געווען אזוי גרויס, אז זיין וידוי האָט ניט געשטערט דעם גליק, נור האָט פאַרקעהרט צוגעגעבען עפּעס נאָך א נייע שאַטירונג. זיא האָט איהם פערצייהעט: אָבער פון דאַן אָן האָט ער זיך נאָך מעהר גערעכענט פאַר ניט ווערטה צו זיין געליעבט פון איהר; ער האָט זיטליך נאָך ניעדריגער געבויגט זיין קאָפּ פאַר איהר און ער האָט נאָך העכער געשעצט זיין אונפערדיענטען גליק.

## 17.

איבערקלייבענדיג אין זיין עראינערונג דיא געשפּרעכען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט פון מיטאג ביי אבלאנסקין, האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין איינזאמען נומער פון האָטעל. דאריא אלעקסאנדראָוונאס ווערטער וועגען פערצייהונג האָבען אין איהם ארויסגערופען בלויז פערדרוס. אָנצופאַסען אָדער ניט אָנצופאַסען דיא קריסטליכע רעליגיאָן צו זיין פאַל, איז געווען א צו שווערע פראגע, וועגען וועלכער מען קאָן אזוי לייכט ניט ריידען, און דיא דאָזיגע פראגע האָט שוין אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש געלייזט, און נעמליך, אז מען קאָן דיא קריסטליכע רעליגיאָן ניט אנפּאַסען צו זיין פאַל. פון דעם גאַנצען געשפּרעך זיינען ביי איהם בעזונדער געבליבען אין מוח דיא ווערטער פון דעם נאַרישען גוטען טוראָווצין: „ער האָט געהאַנדעלט וויא א כוואַט, ארויסגערופען אויף א דועל און אוועקגעלייגט א טויטען". אלע האָבען אפּנים מיטגעפיהלט דער דאָזיגער טהאַט, הגם זיי האָבען דאָס אויס העפליכקייט ניט ארויסגעזאָגט.

„איבעריגענס, דאָס איז שוין א געענדיגטע זאַך, און ס'איז ניטאָ וועגען דעם פיעל וואָס צו ריידען" האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש. און דיינקענדיג בלויז וועגען זיין אונטערנומענער נסיעה און וועגען דער רעוויזיאָן, איז ער אריין צו זיך אין נומער און האָט א פרעג געטאָהן ביי דעם שווייצאַר, וועלכער האָט איהם בעגלייט, וואו זיין לאַקיי איז. דער שווייצאַר האָט געענטפערט, אז

דער לאקיי איז נור־וואס ארויסגעגאנגען. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט געהייסען דערלאנגען זיך טהעע, האט זיך געזעצט ביים טיש און האט גענומען בעטראכטען רעם מארשרוט פון זיין בעפארשטעהענדער רייזע.

— צוויי טעלעגראמען — האט געזאגט זיין לאקיי, וואס האט זיך נור־וואס צוריקגעקעהרט — פערצייהעט, עקסעלענץ, איך בין נור וואס ארויס.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט גענומען דיא טעלעגראמען און האט זיי געעפענט: דיא ערשטע טעלעגראמע איז געווען וועגען דעם, אז סטרעמאוו האט בעקומען דיא שטעלע, וועלכע קארענין האט געהאפט צו קריגען. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט א ווארף געטאהן דיא דעפעשע, איז רויט געווארען און האט אנגעהויבען ארומגעהן הין און צוריק איבערן צימער. איהם איז געווען ניט אזוי פערדרוסליך, וואס סטרעמאוו האט בעקומען דיא שטעלע און איהם האט מען אויסגעמיידעט, וויא איהם איז געווען אונפערשטענדליך, וויא זעהען זיי דאס ניט אז סטרעמאוו איז בלויז א פראזיאר, א פלאפלער און איז וויניגער פון אנדערע פעהיג צו ערפילען אזא אמט. וויא זעהען זיי ניט אז זיי ברייגען דאך זיך שאדען און שעדיגען זייער פרעסטיזש מיט אזא האנדלונג.

„נאך עפעס אזעלכעס“, האט ער א זאג געטאהן צו זיך אליין מיט ביטערקייט, עפענענדיג דיא צווייטע טעלעגראמע. דיא טעלעגראמע איז געווען פון זיין פרוי. איהר אונטערשריפט מיט בלויע בלייפעדער. „אננא“ האט זיך צוערשט געווארפען איהם אין דיא אויגען. „איך שטארב, איך בעט אייך רחמים, קומט צו פאהרען. איך וועל מיט אייער פערצייהונג רוהיגער שטארבען“ — האט ער איבערגעלעזען. ער האט פאראכטליך א שמייכעל געטאהן און האט א ווארף געטאהן דיא טעלעגראמע. אז דאס איז א כיטרער איינפאל און אן אבנארעריי, איז ביי איהם אויף דער ערשטער מינוט גאר קיין שום ספק ניט געווען.

„ניטא קיין פאלשקייט, פאר וועלכע זיא זאל זיך אבשטעלען. זיא דארף געבוירען א קינד. קאן זיין, אז דאס איז עפעס א קינפעט־חלאת. אבער וואס פאר א צוועק זאל דעריין זיין? זיי ווילען מסתמא, דאס קינד זאל זיין געזעצליך, קאמפראמעטירען מיך און שטערען דער אויספיהרונג פון א גט — האט ער געטראכט — אבער דארט ווערט עפעס געזאגט: „איך שטארב...“ ער האט נאך אמאל איבערגעלייענט דיא טעלעגראמע, און פלוצלונג איז ער איבערראשט געווארען פון דעם איינפאך קלאהרען געדאנק, וועלכער איז אין דער דעפעשע. און וויא אויב דאס איז אמת? — האט ער זיך געזאגט — אויב עס איז אמת, אז אין א מינוט פון יסורים און נאהענטקייט פון טויט האט זיא באמת חרטה בעקומען, און איך רעכענענדיג דאס פאר א פאלשקייט וועל זיך ענטזאגען פון צו פאהרען? דאס וועט ראך זיין ניט נור אכזריש און אלע וועלען מיך פאראורטהיילען, נור דאס וועט דאך זיין אויך נאריש פון מיין זייט“.

— פיאטר, שטעל אב דיא קארעטע. איך פאהר קיין פעטערסבורג — האט ער א זאג געטאהן צום לאקיי.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט בעשלאסען, אז ער פאהרט קיין פעטערסבורג און וועט דארט זעהען זיין פרוי. אויב איהר קראנקהייט איז בלויז א כיטרער ליגען, וועט ער דאס פערשווייגען און וועט פאהרען גלייך צוריק. אויב

זיא איז אָבער ווירקליך קראַנק, האַלט ביים שטאַרבען און וויל איהם זעהען פאר'ן טויט, וועט ער איהר פערצייהען, ווען ער זאָל זיא נאָך געפינען א לעבעדיגע, און ער וועט ערפילען דיא לעצטע פפליכט, אויב ער וועט קומען שוין צו שפּעט.

אין וועג האָט ער שוין מעהר ניט געטראַכט וואָס ער האָט צו טאָהן.

מיט א געפיהל פון מיעדקייט און אונריינקייט פון פאַרברייננגען א נאַכט אין וואַגאָן, איז אין א גרויען אין־דער־פריהיגען טומאַן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגעקומען קיין פעטערסבורג, און פאָהרענדיג איבער דעם לעערען נעווסקי פראָספּעקט, האָט ער געקוקט אין פוסטען חלל און האָט ניט געטראַכט וועגען דעם, וואָס איהם ערוואַרט אין דער היים. ער האָט ניט געקאָנט טראַכטען וועגען דעם דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געקאָנט אָבטרייבען פון זיך . יא סברא, אז אויב זיא שטאַרבט וועט דאָס מיט איין מאָל לייזען דיא גאַנצע שווערינקייט פון דער לאַגע. בעקערס, געשלאָסענע קלייטען, נעכטליכע איזוואָזטשיקעס, דוואָרניקעס, גאַסען־רייניגער האָבען איהם געפינטעלט אין דיא אויגען און ער האָט אויף דאָס אַלעס געקוקט, ווען דעם צו ער וואַגט ניט צו ווינשען, אָבער ווינשט דאָך פון דעסטוועגען.

ער איז צוגעפאָהרען צום הויז. אַן איזוואָזטשיק און א קאַרעטע מיט א פאַרשלאָפענעם קוטשער זיינען געשטאַנען לעבען צופאָהר. אַריינגעהענדיג אין קאַרידאָר, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דערפיהלט אזוי וויא ער וואָלט פון ערגעץ פון א וויטען ווינקעל פון זיין מח ארויסקריגען אַן ענטשיידונג. דיא ענטשיידונג האָט בעדייט: אויב דאָס איז אַן אָבנאַרעריי, דאַן שווייגען מיט א רוהיגער פעראַכטונג; אויב עס איז אמת, דאַן נאַכקומען דיא באָדערונגען פון אַנשטענדיגקייט.

דער שווייצאַר האָט שוין לאַנג צועפענט דיא טהיר, נאָך איידער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָנגעקלונגען. דער שווייצאַר, פעטראָוו, האָט געהאַט א משונה'דיגען אויסזעהען אין זיין אַלטע זשופּיצע, אָהן א האַלזטוך און אין שטעק־שיך.

— וויא איז דיא מאַדאַם?

— האָט נעכטען געבוירען....

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אָבגעשטעלט און איז בלייך געוואָרען. ער האָט איצט ערשט קלאָהר פערשטאַנען, מיט וואָס פאַר א קראַפט ער האָט געוואונשען איהר טויט.

— און וויא איז איהר צושטאַנד?

— זעהר שוואַך — האָט ער געענטפערט — נעכטען איז געווען א צוזאַמענפאָהר פון דאָקטוירים און איצט איז דאָ אויך דער דאָקטאָר.

— נעהם דיא זאַכען — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און פיהלענדיג עפּעס לייכטער פון דער דאָזיגער נאַכריכט, אז עס איז פאַראַן א האָפנונג אויף איהר טויט, איז ער אַריין אין פאָדער־צימער.

אויפ'ן הייננער האָט ער דערזעהען א מיליטערישען מאַנטעל, און ער האָט א פרעג געטאָהן:

# אננא קארעגינא

— ווער איז דאָ?

— דער דאָקטאָר, דיא אקושערין און גראף ווראָנסקי.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אריין אין דיא אינוויינינגסטע צימערן. אין גאַסט־צימער איז קיינער ניט געווען; אויף דעם קלאַנג פון זיינע טריט איז פון איהר קאבינעט ארויסגעקומען דיא אקושערין אין א הויב מיט לילע בענדער. זיא איז צוגעגאַנגען צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און מיט דער פאַמיליאַריטעט, וואָס מען פיהלט, ווען נאָהענט ווערט ערווארט דער טויט, האָט זיא איהם אָנגענומען פאר דער האנד און האָט איהם געפיהרט אין שלאָפצימער.

— דאנקען גאָט, וואָס איהר זייט געקומען צו באַהרען! זיא האלט נור אין איין ריידען וועגען אייך און וועגען אייך — האָט זיא געזאָגט.

— דערלאַנגט דאָך גיכער אייז! — האָט זיך געהערט פון שלאָפצימער דעם דאָקטאָר'ס בעפעהלענדער טאָן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אריין צו איהר אין קאבינעט. לעבען איהר טיש מיט דער זייט צום ווענטעל פון שטוהל איז געזעסען ווראָנסקי און, פאַרדעקענדיג זיין פּנים מיט דיא הענד, האָט ער געוויינט. אויף דער שטימע פון דאָקטאָר איז ער אויפגעשפּרונגען, האָט אראָבגענומען דיא הענד פון פּנים און האָט דערזעהען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען. דערזעהענדיג איהר מאַן, איז ער אַזוי צומישט געוואָרען, אַז ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט, ארייגציהענדיג דעם קאָפּ אין דיא אַקסלען, וויא ער וואָלט וועלען פערשווינדען ערגעץ; ער האָט אָבער געמאַכט איבער זיך אַן אנשטריינגונג, האָט זיך אויפגעהויבען און האָט געזאָגט:

— זיא שטאַרבט. דיא דאָקטוירים זאָגען, אַז עס איז קיין האָפנונג ניטאָ. איך בין אין גאַנצען אין אייער הערשאַפט, אָבער ערלויבט מיר דאָ צו זיין.... איבעריגענס, איך בין אין אייער רשות, איך....

דערזעהענדיג ווראָנסקיס טרעהרען האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דערפיהלט יענעם צופלוס פון גייסטיגע געשטערטקייט, וועלכע ער פלעגט אימער פיהלען דערזעהענדיג טרעהרען און יסורים פון מענשען, און אָבקעהרענדיג זיין פּנים, האָט ער שנעל אָנגעהויבען געהן אין טהיר ניט דערהערענדיג דיא לעצטע ווערטער.

פון שלאָפצימער האָט זיך געהערט אננאס שטימע, וועלכע האָט עפּעס גע־רעדט. איהר שטימע איז געווען א פרעהליכע, א בעלעבטע, און זיא האָט מיט א בעזונדער קלאָהרקייט ארויסגערעדט דיא ווערטער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אריין אין שלאָף־צימער און איז צוגעגאַנגען צום בעט. זיא איז געלעגען אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו איהם. אויף דיא באַקען האָט געפלאַמט א רויטקייט, דיא אויגען האָבען געגלאַנצט; דיא קליינע ווייסע הענד האָבען געשפּיעלט מיט דעם ברעג פון דער דעקע. עס האָט אויסגעזעהען וויא זיא וואָלט זיין ניט נור גע־זונד און פריש, נור אויך אין דעם בעסטען מוטה. זיא האָט גערעדט שנעל, הילכיג און בעזונדער נאָך ריכטיג און געפיהלפול ארויסריידענדיג דיא ווערטער:

— דערפאַר ווייל אַלעקסיי, איך רייד דאָס וועגען אַלעקסיי אַלעקסאַנד־ראָוויטש (וואָס פאר א זאָנדערבארער, שרעקליכער שיקזאַל, וואָס ביידען רופט מען אַלעקסיי, ניט אמת?) אַלעקסיי וואָלט מיר ניט ענטזאָגען. איך וואָלט פאַר־

געסען און ער וואלט פערצייהען... פאר וואס אבער קומט ער ניט? ער איז א גוטער, ער וויים גאר אליין ניט, וויא גוט ער איז. אך, מיין גאט, וואס פאר א הארצווייטאג! וואס פאר א ביינקשאפט! גיט מיר שנעלער וואסער!... אך, דאס ועט פאר איהר, פאר מיין מיידעלע וועט דאס זיין שעדליך! נו, גוט, נו גיט איהר אב דער אם. איך בין שוין איינשטימיג, אזוי וועט טאקע זיין בעסער. ער וועט קומען צופאהרען, וועט ער זיך פיהלען געקריינקט זעהענדיג זיא. גיט איהר אב...

— אננא ארקאדיעוונא, ער איז געקומען צופאהרען. אט איז ער דאך — האט געזאגט דיא אקושערין, זוכענדיג צו ציהען איהר אויפמערקזאמקייט אויף אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש.

— וועלכע דומהייטען! — האט פארטגעזעצט אננא, ניט זעהענדיג דעם מאן — גיט איהר מיר אהער. מיין מיידעלע, גיט מיר! ער איז דאך נאך ניט געקומען. איהר זאגט, אז ער וועט ניט פערצייהען, ווייל איהר קענט איהם ניט. קיינער האט איהם ניט געקענט. בלויז איך אליין, און מיר איז שווער געווארען. מען דארף קענען זיינע אויגען; ביי סעריאזשאן זיינען אזעלכע אויגען... האט מען שוין סעריאזשאן געגעבען עסען? איך וויים דאך, אז אלע וועלען פארגעסען. ער וואלט ניט פארגעסען. מען דארף סעריאזשאן איבערפיהרען אין ווינקעל־צימער און בעטען מאריעטען, זיא זאל דארט מיט איהם זיין.

פלוצלונג האט זיא זיך צונויפגעקנייטשט, איז אנשווייגען געווארען און מיט שרעק, וויא זיא וואלט ערווארטען א קלאפ, וויא צו פערטהיידיגען זיך, האט זיא אויפגעהויבען דיא הענד צום פנים. זיא האט דערזעהען דעם מאן.

— ניין, ניין! — האט זיא אנגעהויבען ריידען — ניט פאר איהם, ניט פאר איהם האב איך מורא, איך האב מורא פאר'ן טויט. אלעקסיי, קום אהער. איך איל זיך דערפאר, ווייל איך האב קיין צייט ניט, מיר איז געבליבען גאנץ וויניג צו לעבען; עס וועט זיך באלד אנהויבען ווידער היץ און איך וועל שוין גארנישט פארשטעהן. איצט פארשטעה איך און פארשטעה אלעס, איך זעה אלעס.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס צוקנייטשטער פנים האט אנגענומען א יסורים'דיגען אויסדרוק; ער האט אנגענומען איהר האנד און האט געוואלט וואס זאגען, אבער ער האט בשום אופן ניט געקאנט ארויסריידען קיין ווארט; זיין אונטערשטע ליפ האט געציטערט, ער האט אבער געקעמפפט מיט זיין צוטומעלטקייט און האט בלויז זעלטען געקוקט אויף איהר. און יעדען מאל, וויא ער האט אויף איהר א קוק געטאהן, האט ער געזעהען איהרע אויגען, וועלכע האבען אויף איהם געקוקט מיט אזא מילדע און ענטציקטע צערטליכקייט, וויא ער האט נאך קיין מאל אין זיי ניט געזעהען.

— ווארט, דוא וויימט ניט... ווארט, ווארט... — זיא האט זיך אבגעשטעלט וויא צונויפנעהמענדיג איהרע געדאנקען — יא, האט זיא אנגעהויבען — יא, יא, יא. אט וואס איך האב געוואלט זאגען. וואונדער זיך ניט אויף מיר. איך בין נאך אלץ דיזעלביגע... נור אין מיר איז פאראן נאך איינע, און פאר יענער האב איך מורא; יענע האט דאס איהם ליעב געהאט און איך האב געוועלט דיך האסען און האב אבער ניט געקאנט פארגעסען וועגען יענער, וויא זיא איז פריהער געוועזן. יענע איז ניט איך. איצט בין איך דיא ווירקליכע, אין גאנצען איך. איצט שטארב

איך, איך ווייס אז איך וועל שטארבען; פרעג איהם. איך פיהל דאס איצט אויך, דאס זיינען זיי, פודען אויף דיא פיס און אויף דיא הענד, אויף דיא פינגער. דיא פינגער — וויא אונגעהייער גרויס זיי זיינען! אבער דאס וועט זיך אלעס באלד ענדיגען... איין זאך דארף איך בלויז: דוא זאלסט מיר פערצייהען; פער־צייהע מיר, פערצייהע אין גאנצען! איך בין א שרעקליכע, אבער דיא אם האט מיר געזאגט: א דייליגע מארטירערין — וויא האט מען זיא גערופען? — זיא איז נאך ערגער געווען. איך וועל אויך פאהרען קיין רוים, דארט זיינען מדבריות, און דאן וועל איך שוין קיינעם קיין שאדען ניט ברייגגען. בלויז סעריאזשאן וועל איך מיטנעהמען און דיא מיידעלע... ניין, דוא קאנסט ניט פערצייהען! איך ווייס, דאס קאן מען ניט פערצייהען! ניין, ניין, געה אוועק, דוא ביסט צו גוט!

זיא האט מיט איין הייסער האנד געהאלטען זיין האנד און מיט דער אנ־דערער האט זיא איהם געשטופט פון זיך.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס גייסטיגער טומעל איז אלץ שטארקער און שטארקער געווארען און איז דערגאנגען ביז אזא מדרגה, אז ער האט שוין אויפגע־הערט צו קעמפפען מיט זיך. ער האט פלוצלונג דערפיהלט, אז דאס וואס ער האט גערעכענט פאר א גייסטיגע געשטערטקייט, איז געווען פארקעהרט א מילדער צושטאנד פון זיין נשמה, וואס האט איהם געגעבען א נייעם, קיין מאהל פריהער ניט פערזוכטען גליק. ער האט ניט געדיינקט, אז יענער קריסטליכער געזעץ, וועל־כען ער האט געוועלט פאלגען זיין גאנצען לעבען, האט איהם פארגשריבען צו ליעבען זיינע פיינד; אבער דאס געפיהל פון פערצייהען און ליעבען זיינע פיינד האט דאך פול געמאכט זיין הארץ. ער איז געשטאנען אויף דיא קניע און האט אוועקגעלייגט זיין קאפ אויף דעם אויסבויג פון איהר האנד, וועלכע האט איהם געברענט וויא מיט פייער פון אונטער איהר יאקעל, און האט געוויינט וויא א קינד. זיא האט ארומגענומען זיין קאפ, וואס האט שוין אנגעהויבען פליכעוואטע צו ווערען, האט זיך א רוק געטאהן צו איהם און האט מיט שטאלץ אויפגעהויבען דיא אויגען ארויף.

— דאס איז ער, איך האב דאס געוואוסט! איצט, אדיע אלע, אדיע!... זיי זיינען שוין ווידער געקומען, פאר וואס געהען זיי שוין ניט אוועק?... נעהמט דאך פון מיר אראב דיא פוטערס!

דער דאקטאר האט אבגעצויגען בעזאכט איהר האנד, האט זיא אוועקגע־לייגט אויף דער קישען און האט זיא צוגעדעקט. זיא האט זיך געהארכזאם אוועקגע־לייגט, האט זיך א קעהר געטאהן מיט'ן פנים ארויף און האט געקוקט פאראויס מיט א שיינענדען בליק.

— געדיינק איין זאך, אז איך האב בלויז געדארפט דיין פערצייהונג און מעהר וויל איך קיין זאך ניט... פאר וואס־זשע קומט ער ניט — האט זיא אנ־געהויבען א קעהר טאהנ'דיג זיך צו דער טהיר צו וראנסקין — קום צו, קום צו! דערלאנג איהם דיין האנד.

וראנסקי איז צוגעגאנגען צום ברעג בעטעל און דערזעהענדיג אננאן, האט ער ווידער פערדעקט זיין געזיכט מיט דיא הענד.

— עפען דעם פנים, קוק אויף איהם. ער איז א הייליגער — האט זיא גע־

זאָגט — עפּען דאָך, עפּען דעם פּנים! — האָט זיא געזאָגט בייז — אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, דעק אָב זיין פּנים! איך וויל איהם זעהען.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט גענומען ווראָנסקים הענד און האָט זיי אראָבגעצויגען פון זיין פּנים, וועלכער האָט אויסגעזעהען שרעקליך אויסדריקענדיג יסורים און פארשעהמטקייט.

— דערלאנג איהם דיא האנד, פערצייהע איהם.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט איהם דערלאנגט דיא האנד, ניט צוריק־האלטענדיג דיא טרעהרען, וועלכע האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען.

— דאנקען גאָט, דאנקען גאָט — האָט זיא געזאָגט — איצט איז אלעס פארטיג. אביסעל בלויז דיא פיס אויסציהען. אזוי, אזוי איז גוט. וויא געשמאקלאָז דיא דאָזיגע בלומען זיינען געמאכט געוואָרען; זיי זיינען גאָר ניט עהנליך אויף ויאלעטען — האָט זיא געזאָגט ווייזענדיג אויף דיא טאפּעטען — מיין גאָט! מיין גאָט! ווען וועט זיך שוין דאָס ענדיגען? גיט מיר מאָרפיום. דאָקטאָר! גיט דאָך מיר מאָרפיום! מיין גאָט!...

און זיא האָט זיך אָנגעהויבען ווארפען אויפ׳ן געלעגער.

---

דער דאָקטאָר און דיא אנדערע דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אז דאָס איז קינפּעט־פיבער און אז פון הונדערט פעלע ענדיגען זיך נייען און נייעציג זיכער מיט׳ן טויט. דעם גאנצען טאָג איז זיא געלעגען אין פיבער, האלוצינאציעס און אָהן זינען. צו האלבע נאכט איז דיא קראנקע געלעגען אָהן פולס און אין אונבעוואוסטען צושטאנד.

מען האָט יעדע מינוט ערווארט דיא ענדע.

ווראָנסקי איז אוועקגעפאָהרען אהיים, נור אין־דער־פריה איז ער ווידער געקומען צופאָהרען ערקונדיגען זיך און אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט איהם בעגעגענט אין פאָדער־צימער, זאָגענדיג: „בלייבט דאָ, אפשר וועט זיא אויף אייך פרעגען", און האָט אליין איהם אוועקגעפיהרט אין דער פרוים קאבינעט. צו אין־דער־פריה האָט זיך ווידער אָנגעהויבען איהר אונרוהיגקייט, בעזונדערע לעבעדיגקייט, שנעלע געדאנקען און ריידען און האָט זיך ווידער געענדיגט מיט פערלירען דעם זינען. אויף דעם דריטען טאָג איז געווען ווידער דאָסזעלביגע און דיא דאָקטוירים האָבען געזאָגט אז עס זיינען פאראן האָפענונגען. אין דעם טאָג, איז אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש אריין אין קאבינעט, וואו עס איז געזעסען ווראָנסקי, און, פערשליסענדיג דיא טהיר, האָט ער זיך געזעצט געגען איהם.

— אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — האָט געזאָגט ווראָנסקי, פיהלענדיג אז עס וועט זיך אָנהויבען אן ערקלעהרונג — איך קאָן ניט ריידען, איך קאָן ניט פארשטעהן. האָט אויף מיר רחמנות! וויא שווער אייך איז ניט אויפ׳ן הארצען, גלויבט מיר, אז מיר איז נאָך שרעקליכער.

ער האָט געוואָלט אויפהויבען זיך. אָבער אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט איהם אָנגענומען פאר דער האנד און האָט געזאָגט:

— איך בעט אייך אויסצוהערען מיך, דאס איז אונבעדינגט נויטיג. איך מוז אייך ערקלעהרען מיינע געפיהלען, יענע געפיהלען, וועלכע האבען געלייטעט מיינע האנדלונגען און וועלכע וועלען זיי לייטען ווייטער, כדי איהר זאלט ניט זיין אין טעות וועגען מיר. איהר ווייסט, אז איך האב בעשלאסען אויסצואווירקען א גט און האב שוין זאגאר אנגעהויבען א פראצעס. איך וויל פון אייך ניט בעהאלטען אז ווען איך האב דאס אנגעהויבען בין איך נאך געווען אונענטשלאסען, און האב זיך געמאטערט; איך מוז פאר אייך געשטעהן, אז דער וואונש צו נעהמען נקמה פון אייך און פון איהר האט מיך פערפאלגט. ווען איך האב ערהאלטען דיא טע־לעגראמע, בין איך געפאהרען אהער מיט דיזעלביגע געפיהלען. איך וועל אייך זאגען נאך מעהר: איך האב געוואונשען איהר טויט. אבער.... — ער איז אנשוויגען געוואָרען און האט זיך פערטראכט, צו זאל ער איהם זאגען אדער ניט — אבער איך האב זיא דערזעהען און האב פערצייהעט. און דאס גליק פון פערצייהען האט מיר געעפענט דיא אויגען צו זעהען וואס מיין פליכט איז. איך האב פערצייהעט תאלשטענדיג. איך וויל אונטערשטעלען דיא צווייטע באק, איך וויל אבגעבען אויך דיא העמד, ווען מען נעהמט ביי מיר מיין ראק. איך בעט גאט בלויז וועגען דעם, ער זאל פון מיר ניט אבנעהמען דעם גליק פון קאנען פערצייהען!

טרעהרען זיינען ביי איהם געשטאנען אין דיא אויגען, און דער ליכטיגער, רוהיגער בליק פון דיא דאזיגע אויגען האט וורא֫נסקין איבערראשט.

— דאס איז מיין לאגע. איהר קאנט מיך פארט־רעטען אין שמוץ, קאנט מיך מאכען צו חוזק פאר דער וועלט, איך וועל זיא ניט אוועקווארפען און איהר וועט פון מיר קיין מאהל ניט הערען קיין פארוואורף. מיין פליכט איז פאר מיר קלאהר אנגעצייכענט. איך דארף בלייבען מיט איהר און וועל בלייבען. אויב זיא וועט אייך וועלען זעהען, וועל איך אייך לאזען וויסען, אבער דערווייל איז פאר אייך בעסער אוועקצוגעהן.

ער איז אויפגעשטאנען און זיינע שלוכצען האבען איבערגעריסען זיינע רייד. וורא֫נסקי האט זיך אויך אויפגעהויבען און אן איינגעבויגענער, ניט אויס־גלייכענדיג זיך, האט ער געקוקט אויף איהם פון אונטערן שטערן. ער האט ניט פערשטאנען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשעס געפיהלען. אבער ער האט גע־פיהלט, אז דאס איז עפעס העכערעס און אפילו ניט צוגענגליך פאר זיין וועלט־אנשויאונג.

18.

נאך זיין געשפרעך מיט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז וורא֫נסקי ארוים אויפ'ן גאניק פון קארענינס הויז און האט זיך אבגעשטעלט, דערמאנענדיג זיך מיט מיה, וואו ער איז און וואוהין ער דארף געהן אדער פאהרען. ער האט זיך געפיהלט פערשעהמט, ערניעדריגט, שולדיג און אהן דער מעגליכקייט אבצוואשען זיין ערניעדריגונג. ער האט געפיהלט, אז ער איז ארויסגעשלאגען פון יענער ליניע,

אין וועלכער ער איז ביז אהער געגאנגען אזוי שטאלץ און אזוי גרינג. דער אבגענארטער מאן, וועלכער האט זיך איהם ביז איצט פארגעשטעלט אלס אן עלענדע בריאה, אלס א צופעליגע, עפעס קאמישע שטערונג פאר זיין גליק, איז פלוצלונג פון איהר אליין צוריקגערופען געווארען און אויפגעהויבען אויף אזא בעדייטענדע הויכקייט, און דער דאזיגער מאן איז ערשיענען אויף דער הויכער מדרגה ניט אלס א בייזער, פאלשער מענש און ניט אלס א לעכערליכער, נור גוט, איינפאך, און ערהאבען. ווראנסקי האט דאס געפיהלט.

דיא ראלען האבען זיך געביטען פלוצלונג. ווראנסקי האט דערפיהלט איהר מאנס גרויסקייט און זיין אייגענע ערנידריגונג, איהר מאנס גערעכטיגקייט און זיין אייגענעם אונרעכט. ער האט דערפיהלט, אז איהר מאן איז גרויסמוטהיג אפילו אין זיינע יסורים, און ער אליין איז נידריג, קליינליך אין זיין פאלשקייט. ער האט זיך געפיהלט איצט זעהר אונגליקליך פון דעם, וואס זיין ליידענשאפט צו אננא'ן, וועלכע האט אנגעהויבען אבגעקיהלט צו ווערען, וויא ער האט געפיהלט אין דער לעצטער צייט, האט איצט, ווען ער האט געוואוסט, אז ער פערלירט זיא אויף אימער, אנגעהויבען צו ווערען שטארקער איידער זיא איז ווען עס איז געווען.

ער האט זיא דערזעהען אין גאנצען אין דער צייט פון איהר קראנקהייט, ער האט דערקענט איהר נשמה, און איהם האט זיך געדוכט, אז ביז איצט האט ער זיא נאך גאר קיין מאל אזוי מיט אן אמת ניט געליעבט. און איצט ווען ער האט זיא פאלשטענדיג דערקענט און האט זיא ליעב בעקומען וויא מען דארף ליעבען, איז ער ערנידעריגט געווארען פאר איהרע אויגען און ער האט זיא פערלארען אויף אייביג, איבערלאזענדיג אין איהר בלויז א שענדליכע ערינערונג וועגען זיך. שרעקליכער פון אלעס איז אבער געוועזן יענע לעכערליכע, שענדליכע לאגע, אין וועלכע ער האט זיך איינגעפונען, ווען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט אראבגענומען זיינע הענד פון זיין פארשעהמטען פנים. ער איז איצט געשטאנען אויף דעם גאניק פון קארענינס הויז א פערלארענער, און ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טאהן.

— וועט איהר הייסען רופען אן איזוואזטשיק? — האט א פרעג געטאהן דער שווייצאר.

—יא, אן איזוואזטשיק.

ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים נאך דריי שלאפלאזע נעכט, האט ער זיך אין דיא קליידער א ווארף געטאהן מיט'ן פנים אראב אויפ'ן דיוואן, צונויפלייגענדיג דיא הענד און אוועקלייגענדיג אויף זיי דעם קאפ. זיין קאפ איז געווען שווער. פארשטעלונגען און ערינערונגען און דיא זאנדערבארסטע געדאנקען האבען מיט שנעלקייט געביטען זיך איינע אויף דיא אנדערע: דאס דיא פארשטעלונג וויא ער גיסט אריין דיא רפואה און פערגיסט איבער'ן לעפעל, און דאס דיא ווייסע הענד פון דער אקושערין און דאס דיא לאגע פון קארענין, וויא ער איז געשטאנען לעבען בעטעל אויף דיא קניע.

„איינשלאפען! איינשלאפען!" האט ער געזאגט צו זיך מיט דער זיכערהייט פון א געזונדען מענשען, אז ווען ער איז מיעד און וויל שלאפען, מוז ער איינשלאפען. און ווירקליך, אין זיין קאפ האט זיך אנגעהויבען צו פלאנטערען

און ער האָט אָנגעהויבען איינגעשלינגען צו ווערען אין תהום פון פערגעסענהייט. דיא כוואַליעס פון דעם ים פון בעוואוסטזאָזען לעבען האָבען אָנגעהויבען צונויפ־צוקומען זיך איבער זיין קאָפּ, ווייא פלוצלונג האָט עפּעס ווייא אַ גאַנצע לאַדונג פון עלעקטריציטעט עקספּלאָדירט אין איהם. ער האָט אַ שוידער געטאָהן אזוי, אַז זיין גאַנצער קערפּער איז אָבגעשפּרונגען אויף דיא פּרוזשינעס פון דיוואַן און ער איז אַ צושראָקענער אויפגעשפּרונגען און געבליבען שטעהן אויף דיא קניע. זיינע אויגען זיינען געווען ווייט צועפּענט, וויא ער וואָלט גאָר קיין מאָל ניט געשלאָפען.

„איהר קאָנט מיך צוטרעטען אין בלאָטע" האָט ער געהערט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס ווערטער און האָט געזעהען איהם לעבען זיך, און האָט געזעהען אַננאַס פיבערישען פּנים מיט דיא גלאַנציגע אויגען, וויא זיא קוקט מיט אַזאַ צערטליכקייט און ליעבע, ניט אויף איהם נור אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש; ער האָט געזעהען זיין אייגענע נאַרישע און קאָמישע פיגור, וויא איהם האָט זיך איצט אויסגעוויזען. ער האָט ווידער אויסגעצויגען זיינע פיס און האָט זיך אַ וואָרף געטאָהן אויפ'ן דיוואַן, וויא פריהער, און האָט פערמאַכט דיא אויגען.

„איינשלאָפען! איינשלאָפען!" האָט ער צו זיך אַלץ ווידערהאָלט. מיט פערמאַכטע אויגען האָט ער קלעהרער געזעהען אַננאַס פּנים, וויא דער דאָזיגער האָט אויסגעזעהען אין יענעם בעריהמטען טאָג פון דיא רייטעס.

— דאָס איז שוין ניטאָ און וועט ניט זיין און זיא וויל דאָס אויסמעקען פון איהר געדעכניס. און איך קאָן אָהן דעם ניט לעבען. וויא־זשע קאָנען מיר פריעדען שליעסען? — האָט ער געזאָגט אויפ'ן קול און האָט אָנגעהויבען צו וויעדערהאָלען דיעזעלביגע ווערטער. ווידער האָבען איינע נאָך דיא אַנדערע אָנגעהויבען פאָרצושטעלען זיך אין זיין פאַנטאַזיע דיא בעסטע מינוטען און צוזאַמען מיט זיי דיא איצטיגע ערנידריגונג. „נעהם אַראָב דיא הענד", זאָגט אַננאַס שטימע. ער נעהמט אַראָב דיא הענד און פיהלט זיין שאַנדע און דעם נאַרישען אויסדרוק פון זיין פּנים.

ער איז אַלץ געלעגען וובענדיג איינצושלאָפען, הגם ער האָט געפיהלט, אַז עס איז קיין האָפנונג ניטאָ, ער זאָל איינשלאָפען, און ער האָט אַלץ געמורמעלט צופעליגע ווערטער פון אַ וועלכען ניט איז געדאַנק, וובענדיג דורך דעם אָבצוהאַל־טען, אַז קיין נייע בילדער זאָלען ניט פאָרשטעלען זיך אין זיין קאָפּ. ער האָט זיך צוגעהערט — און ער האָט דערהערט זאָנדערבאַרע, וואַהנזיניגע ווערטער, וועלכע האָבען זיך געמורמעלט: „האָט ניט געקאָנט אָבשעצען, האָט ניט געקאָנט אויס־ניצען; האָט ניט געקאָנט אָבשעצען, האָט ניט געקאָנט בענוצען זיך".

„וואָס איז דאָס? אָדער איך גיעה דאָס פון זינען אַראָב?" — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — עס קאָן זיין. געהען דאָך מענשען הערפון פון זינען אַראָב, שיסען זיי זיך דאָך איבער דעם?" האָט וורראָנסקי געענטפערט זיך אַליין און עפענענדיג זיינע אויגען האָט ער מיט פערוואונדערונג דערזעהען לעבען זיין קאָפּ דיא אויסגענעהטע קישעלע, וועלכע איהם האָט געשיינקט אַ מתנה וואַריאַ, זיין ברודער'ס פרוי. ער האָט צוגערוקט דיא קישעלע און האָט זיי צוגעדריקט צו איהר מיט'ן קאָפּ, אָבער ער האָט זיך געדאַרפט אנשטרייגגען צו קאָנען האַלטען דיא אויגען פערמאַכט. ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך געזעצט. „דאָס איז שוין

גנעענדיגט פאַר מיר — האָט ער זיך געזאָגט — מען דאַרף אַ טראַכט טאָהן וואָס צו טאָהן. וואָס איז געבליבען צו טאָהן?" זיין געדאַנק איז שנעל דורכגעלאָפען זיין לעבען אויסערהאַלב זיין ליעבע צו אַננאַן. „אַזוי גענוהט מען אַראָב פון זינען — האָט ער זיך ווידערהאָלט — אַזוי שיכט מען זיך עס זאָל ניט מיאוס זיין."

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און האָט זיא פערשלאָסען; דערנאָך איז ער מיט אַן אָבגעשטעלטען בליק און מיט פערדריקטע ציינער צוגעגאַנגען צום טיש, האָט גענומען דעם רעוואָלווער, האָט איהם בעקוקט, האָט אויסגעקעהרט דעם אָנגעלאָדענעם רעהר און האָט זיך פערטראַכט. אַ מינוט צוויי איז ער געשטאַנען אַזוי מיט דעם רעוואָלווער אין האַנד, מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און מיט דעם אויסדרוק פון אָנגעשטריינגטע געדאַנקען. „פאַרשטעהט זיך" — האָט ער זיך געזאָגט אַזוי וויא ער וואָלט געקומען אין זיינע געדאַנקען צו אַ בעשטימטער ענטשיידונג — „פאַרשטעהט זיך". און אין דער ווירקליכקייט איז דאָס „פאַרשטעהט זיך" געוועזען בלויז דער שלוס פון אַ ווידערהאָלונג פון דעמזעלביגען קרייז געדאַנקען, בילדער און עראינערונגען, וועלכע זיינען שוין ביי איהם אין קאָפּ צעהנדליגע מאָהל דורכגעלאָפען פאַר דער שטונדע.

„פאַרשטעהט זיך" האָט ער ווידערהאָלט, ווען זיין געדאַנק האָט זיך ווידער אַ קעהר געטאָהן אין דעמזעלביגען צויבער־קרייז פון עראינערונגען, און צולייגענדיג דעם רעוואָלווער צו דער לינקער זייט פון זיין ברוסט און האָט שטאַרק אַ ציה געטאָהן מיט דער גאַנצער האַנד דאָס הענדעל. ער האָט ניט געהערט קיין קלאַנג פון שאָס, אָבער אַ שטאַרקער זעץ אין ברוסט האָט איהם אַראָבגעשלאָגען פון די פיס. ער האָט זיך געוואָלט אָנהאַלטען פאַר'ן ברעג פון טיש, דער רעוואָלווער איז אַרויסגעפאַלען פון זיין האַנד, ער האָט זיך אַ שאָקעל געטאָהן און איז געבליבען זיצען אויף דער ערד, קוקענדיג מיט פערוואונדערונג אַרום זיך. ער האָט ניט דערקענט זיין צימער, קוקענדיג אונטען אויף די אויסגעבויגענע פיסלעך פון טיש אויף דעם פּאַפּיער־קאָרב און אויף דער טיגער־פעל אויף די דילען. די שנעלע, סקריפּענדע טריט פון דעם דינער, וועלכער איז געגאַנגען איבער'ן זאַל, האָבען איהם געבראַכט צום זינען. ער האָט געמאַכט אַן אַנשטריינגונג צו דיינקען און האָט פערשטאַנען אַז ער ליגט אויף דער ערד, און דערזעהענדיג בלוט אויף דער טיגער־פעל און ביי זיך אויף דער האַנד, האָט ער פערשטאַנען, אַז ער האָט זיך געשאָסען.

„וויא נאַריש! ניט געטראָפען", האָט ער אַרויסגערעדט, שאַרענדיג מיט'ן האַנד נאָך דעם רעוואָלווער. דער רעוואָלווער איז געוועזען לעבען איהם; ער האָט אָבער געזוכט ווייטער. זוכענדיג האָט ער זיך אַ ציה געטאָהן צו דער אַנדער זייט און ניט זייענדיג אים שטאַנד אָנצוהאַלטען די גלייכגעוויכט איז ער אַנידערגעפאַלען, אָבלויפענדיג מיט בלוט.

זיין עלעגאַנטער לאַקיי מיט באַקענבאַרדען, וועלכער פלעגט זיך אָפט בעקלאָגען פאַר בעקאַנטע, אַז ער ליידעט פון שוואַכע נערוועז, האָט זיך אַזוי דערשראָקען ווען ער האָט דערזעהען וויא זיין הערר ליגט אויף דער ערד, אַז ער האָט איהם געלאָזט אָבלויפען מיט בלוט און איז אַליין געלאָפען זוכען הילף. אין אַ שמונדע אַרום איז זיין ברודער'ס פרוי, וואַריאַ, געקומען צופאָהרען מיט דריי

דאַקטוירים, נאָך וועלכע זיא האָט געשיקט אין אַלע זייטען און וועלכע זיינען גע־קומען צופאָהרען אין איין צייט מיט איהר. דעם פערוואונדעטען האָט מען איינ־געלייגט אין בעט און זיא איז געבליבען לעבען איהם, בעדינען איהם.

## 19.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס טעות איז בעשטאַנען דעריין, וואָס ער האָט ניט אַ טראַכט געטאָהן, בעת ער איז געפאָהרען פון מאָסקווע זעהען זיך מיט זיין ווייב, אַז עס קאָן טרעפען איהר חרטה זאָל זיין אַן אויפריכטיגע און אַז ער זאָל איהר פערצייהען, און אַז זיא וועט ניט שטאַרבען — דער דאָזיגער טעות האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט קלאָהר ערשט אין צוויי מאָנאַטען ארום נאָך זיין צוריקקעהרען זיך פון מאָסקווע. געקומען איז דער טעות דערפון, וואָס ביז דעם פאַל האָט ער אַליין ניט געקענט זיין האַרץ.

לעבען בעטעל פון זיין קראַנקער פרוי האָט ער צום ערשטען מאָהל אין זיין לעבען איבערגעגעבען זיך יענעם געפיהל פון מילדהייט און רחמנות, וואָס ער האָט אימער געפיהלט, ווען ער פלעגט דערזעהען דיא ליידען פון אַנדערע מענ־שען, מיט וואָס ער האָט זיך אָבער געשעהמט, וויא דאָס וואָלט געווען אַ שעדליכע שוואַכקייט. ער האָט פלוצלונג דערפיהלט, אַז דאָס זעלביגע וואָס איז געווען דער קוואַל פון זיינע יסורים, איז געוואָרען דער קוואַל פון זיין גייסטיגער שמחה; דאָס וואָס איהם האָט זיך אויסגעוויזען אַלס אונענטשיידען, ווען ער האָט פעראור־טהיילט, געמאַכט פאָרווירפע און געהאַסט, איז געוואָרען אַזוי איינפאַך און קלאָהר, ווען ער האָט פערצייהעט און געליעבט.

ער האָט פערצייהעט דער פרוי און האָט אויף איהר רחמנות געהאַט, זע־הענדיג איהרע ליידען און איהר חרטה. ער האָט פערציידעט ווראָנסקין און האָט איהם בעדויערט, בעזאָנדערנס נאָך, ווען ער האָט דערהערט וועגען זיין פערצווייפעלטער טהאַט. ער האָט מיטלייד געהאַט מיט זיין זוהן מעהר איידער ער פלעגט דאָס פיהלען פריהער. און האָט זיך איצט געמאַכט פאָרווירפע, פאַר וואָס ער האָט זיך ווייניג אָבגעגעבען מיט איהם. אָבער צו דער נייגעבאָרענער מיידעלע האָט ער געפיהלט אַ בעזונדער געפיהל, ניט אַזוי פון רחמנות וויפיעל פון צערטליכקייט.

ער פלעגט עטליכע מאָל אין טאָג אריינקומען אין קינדער־צימער און פלעגט דאָרט זיצען לאַנג, אַז דיא אם און דיא ערציהערין, וועלכע האָבען זיך פריהער געשעהמט פאַר איהם, זיינען שוין דערצו געוועהנט געוואָרען. ער פלעגט קאָנען אַמאָל אַ האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד שווייגענדיג קוקען אויף דעם שלאָ־פענדען רויטען פנים'על פון'ם קינד און פלעגט בעאָבאַכטען וויא עס קנייטשט זיך דעם שטערן און אויף דיא פוכקע, ווייכע הענטעלעך. אין אַזעלכע מינוטען האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך געפיהלט פאָלשטענדיג רוהיג און אין פאָלשטענ־דיגער האַרמאָניע מיט זיך און ער האָט אין זיין לאַגע ניט געזעהען קיין אונגעוועהנ־

ליבעס, קיין עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען זאָל דאַרפן ענדערען.

אָבער וואָס מעהר צייט עס איז אַריבער אַלץ קלעהרער האָט ער געזעהען אַז וויא נאַטירליך פאַר איהם זאָל ניט זיין דיא לאַגע, וועט מען איהם אָבער ניט לאָזען בלייבען אין איהר. ער האָט געפיהלט אַז אויסער דער דאָזיגער גייסטיגער קראַפט, וועלכע לייטעט זיין לעבען, איז פאַראַן נאָך אַ קראַפט, אַ גרעסערע קראַפט, אַ גשמיות־קראַפט, וועלכע איז אויך אַ לייטונגס־קראַפט אין זיין לעבען, און אַז דיא צווייטע קראַפט וועט איהם ניט לאָזען האָבען דיא רוה וועלכע ער ווינשט. ער האָט געפיהלט אַז אַלע קוקען אויף איהם מיט בעוואונדערונגס־פראַגען, אַז מען פאַרשטעהט איהם ניט און מען ערוואַרט פון איהם עפּעס. בעזונדער נאָך האָט ער געפיהלט אַן אונבעשטימטקייט, און אונזיכערהייט אין זיינע בעציהונגען צו זיין פרוי.

ווען עס איז אַריבער דיא ווייכקייט, וועלכע דיא נאָהענטקייט פון טויט האָט געמאַכט אין אננאַן, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגעהויבען צו באַמערקען, אַז אננאַ האָט פאַר איהם מורא, פיהלט איהם אַלס אַ לאַסט און קאָן ניט קוקען איהם גלייך אין דיא אויגען. עפּעס אַזוי וויא זיא וואָלט וואָס געוועלט און ענטשליסט זיך ניט צו זאָגען דאָס איהם, און אַז זיא האָט אויך עפּעס ערוואַרט פון איהם, פיהלענדיג אַז זייערע בעציהונגען קאָנען ווייטער אַזוי ניט בלייבען.

עס האָט פּאַסירט ענדע פעברואַר, אַז אננאַס נייגעבאָרענע טאָכטער, וועלכער מען האָט אַ נאָמען געגעבען אננאַ, איז קראַנק געוואָרען. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אין־דער־פריה געווען אין קינדער־צימער און הייסענדיג שיקען נאָכ׳ן דאָקטאָר, איז ער אַוועקגעפאָהרען אין מיניסטערסטווא. ווען ער האָט געענדיגט זיין אַרבייט, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אַהיים אַרום אַ זייגער פיער. ווען ער איז אַריין אין פאָדער־צימער האָט ער דערזעהען דעם אויסגעפּוצטען לאַקיי מיט גאַליינדלעך און מיט אַ פוטערנע פעלערינע, וועלכער האָט געהאַלטען אַ ווייסע ראַטאַנדע.

— ווער איז דאָס דאָ? — האָט אַ פרעג געטאָהן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— פירסטין יעליזאַבעטאַ פּעטראָווּנאַ טווערסקאַיאַ — האָט מיט אַ שמייכעל, וויא עס האָט זיך געדוכט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען, געענטפערט דער לאַקיי.

אין דעם פערלויף פון דער גאַנצער שווערער צייט האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש באַמערקט, אַז זיינע געזעלשאַפטליכע בעקאַנטע, בעזאָנדערס דיא פרויען, האָבען גענומען אַ בעזונדער אַנטהייל אין זיינער און אין זיין פרוי׳ס לאַגע. אַלע זיינען עפּעס געווען זעהר געהויבען, וויא זיי וואָלטען עפּעס וועמען חתונה מאַכען. ווען מען פלעגט איהם באַגעגענען פלעגט מען עפּעס מיט אַ בעהאַלטענער פרייד פרעגען איהם וואָס מאַכט זיא.

פירסטין טווערסקאַיאַס בעזוך איז פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען געווען אונאַנגענעהם און ער איז אַוועק גלייך אין קינדער־צימער. ער האָט אַ פרעג געטאָהן דיא ענגלישע ערציהערין, וועלכע האָט פערביטען דיא פראַנצויזישע, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט וועגען בייבי.

# אננא קארענינא

— דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס איז קיין געפאַהר ניטאָ און האָט פעראָרדענט וואַנעס מאַכען, מיין הערר.

— אָבער זיא ליידעט נאָך אַלץ — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש צוהערענדיג זיך וויא דאָס קינד שרייט אין נעקסטען צימער.

— איך רעכען, אַז דיא אַם טויג נימ, מיין הערר — האָט .ענטשלאָסען געזאָגט דיא ענגלענדערקע.

— פאַרוואָס דיינקט איהר אַזוי? — האָט זיך אָבשטעלענדיג געפרעגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— אַזוי איז געווען אויך ביי דער גרעפין פּאָל, מיין הערר. מען האָט דאָס קינד געקורירט, געקורירט, און צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָס קינד איז איינפאַך הונגעריג: דיא אַם האָט קיין מילך ניט געהאַט, מיין הערר.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פערטראַכט און, שטעהענדיג אַזוי עטליכע סעקונדען, איז ער אריין אין צווייטען קינדער־צימער. דאָס קינד איז געלעגען, פערוואָרפעדיג דאָס קעפּעל און קנייטשענדיג זיך אויף דער אַמ׳ס הענד און האָט ניט געוואָלט נעהמען דיא פולע ברוסט.

— נאָך אַלץ ניט בעסער? — האָט אַ פרעג געטאָהן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— זיי זיינען זעהר אונרוהיג, — האָט שטיל געענטפערט דיא ניאַניאַ.

— מיסס עדוואַרד זאָגט, אַז עס קען זיין דאָס דיא אַם האָט קיין מילך ניט — האָט ער געזאָגט.

— איך האָב דאָס שוין אַליין אויך אַ טראַכט געטאָהן, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— פאַר וואָס־זשע זאָלט איהר דאָס ניט זאָגען?

— וועמען זאָל איך זאָגען? אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ זיינען אַליין עפּעס אַלץ נים געזונד — האָט מיט אונצופריעדענהייט געזאָגט דיא ניאַניאַ.

דיא ניאַניאַ איז געווען אַן אַלטע דיענסט אין הויז. און אין דיא דאָזיגע איינפאַכע ווערטער האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש בעמערקט אַן אָנדייטונג אויף זיין לאַגע.

דאָס קינד האָט נאָך העכער געשריען. דיא ניאַניאַ האָט אַ מאַך געטאָהן מיט דער האַנד, איז צוגעגאַנגען צום קינד, וואָס איהם צוגענומען פון דער אַמ׳ס האַנד און האָט זיך גענומען וויגען אידם אויף איהר האַנד אום איינצושטילען.

— מען דאַרף בעטען דעם דאָקטאָר צו אונטערזוכען דיא אַם — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

דיא אַם, אויפ׳ן אויסזעהען אַ געזונדע, האָט זיך דערשראָקען אַז מען קאָן איהר ענטזאַגען, האָט אַ מורמעל געטאָהן עפּעס פאַר זיך אונטער דער נאָז און בעהאַלטענדיג איהר גרויסע ברוסט, האָט מיט פעראַכטונג אַ שמייכעל געטאָהן וואָס מען צווייפעלט, אויב זיא האָט גענוג מילך. אין איהר שמייכעל האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזעהען אַ מין אָבלאַכען פון זיין לאַגע.

— אונגליקליכעס קינד — האָט געזאָגט דיא אַם, און איז אַרומגעגאַנגען

וויגענדיג דאָס קינד אויף דיא הענד.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך געזעצט אויף אַ שטוהל און האָט מיט אַ טרויעריגען פּנים געקוקט אויף דער אַם, וועלכע איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק.

ווען מען האָט דעם איינגעשטילטען קינד אַוועקגעלייגט אין דעם טיעפען וויגבעטעל און דיא אַם איז אָבגעגאַנגען פון איהם נאָך דעם וויא זיא האָט פערריכט דיא קישעלע, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויפגעשטאַנען און איז אויף דיא שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צום קינד. אַ מינוט האָט ער געקוקט אויפ'ן קינד, נאָר פּלוצלונג האָט עפּעס אַ שמייכעל אַרויסגעטראָטען אויף זיין פּנים און ער איז אויך אַזוי שטיל אויף דיא שפּיץ פינגער אַרויס פון צימער.

אַריינקומענדיג אין עסס־צימער האָט ער אַ קלונג געטאָהן און האָט געהייסען דעם אַריינגעקומענעם דינער, אַז מען זאָל באַלד שיקען נאָך'ן דאָקטאָר. איהם האָט פערדראָסען אויף זיין פרוי, פאַר וואָס זיא זאָרגט גאָר ניט וועגען אַזאַ פּרעכטיגען קינד, און איבער זיין פערדרוס אויף איהר האָט ער ניט געוואָלט אַריינגעהן צו איהר, ער האָט אויך ניט געוואָלט זעהען דאָרט פּירסטין בעטסי; אָבער דיא פרוי האָט דאָך געקענט וואונדערן זיך פאַר וואָס ער געהט ניט אַריין צו איהר וויא געוועהנליך און דאַרום האָט ער געמאַכט אַן אַנשטריינגונג איבער זיך און איז אַריין אין שלאָפצימער. צוגעהענדיג אויף דעם ווייכען טעפּיך צום טיהר האָט ער ניט וועלענדיג דערהערט אַ געשפּרעך, וועלכען ער האָט ניט געוואָלט הערען.

— ווען ער וואָלט ניט אַוועקפאָהרען, וואָלט איך פערשטעהן נאָך פאַר וואָס איהר ענטזאַגט זיך און אַזוי אויך ער. אָבער אייער מאַן דאַרף זיך האַלטען העכער דערפון, — האָט געזאָגט בעטסי.

— ניט פון דעם מאַן'ס וועגען, נור פון זיך אַליין וועגען וויל איך עס ניט. רעדט מיר ניט פון דעם! — האָט געענטפערט אַננאַ'ס אונרוהיגע שטימע.

— יאַ, עס קאָן דאָך אָבער ניט זיין, איהר זאָלט ניט ווינשען בעגעגנען זיך מיט יענעם מענשען, וועלכער האָט זיך געשאָסען איבער אייך...

— איבער דעם נעמליך וויל איך דאָס ניט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיט אַ צושראָקענעם און שולדיגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים אָבגעשטעלט זיך און האָט געוואָלט אונבעמערקטערהייט אומקעהרען זיך צוריק. ער האָט אָבער אַ טראַכט געטאָהן, אַז דאָס וואָלט געווען צו אונווירדיג, ער האָט זיך ווידער אַ קעהר געטאָהן און, אָבהוסטענדיג זיך, איז ער אַוועק צום שלאָפצימער. דיא שטימען זיינען אַנטשוויגען געוואָרען און ער איז אַריין.

אַננאַ איז געזעסען אויף דער קושעטקע אין אַ גרויען שלאָף־ראָק, מיט איהר קורץ־געשוירענע שוואַרצע האָר, וועלכע זיינען פון קראַנקהייט אויסגעקראָכען אויף איהר קיילעכדיגען קאָפּ. וויא אימער ווען זיא פלעגט דערזעהען דעם מאַן, איז איהר מונטערקייט גלייך פערשוואונדען — זיא האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט אונרוהיג אַ קוק געטאָהן אויף בעטסי. בעטסי איז געווען אָנגעטאָהן נאָך דער לעצטער מאָדע און איז געזעסען אין איין רייהע מיט

אננא׳ן; זיא האט געהאלטען גראד איהר פלאציגע הויכע טאליע און אנבויגענדיג דעם קאפ, האט זיא מיט א שפאסהאפטען שמייכעל בעגעגענט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשען.

— א! — האט זיא געזאגט כלומרשט א פערוואונדערטע. — איך בין זעהר גערן וואס איהר זייט צו הויז. איהר ווייזט זיך גאר ערגעץ ניט און איך האב אייך ניט געזעהען זינט אננא׳ס קראנקהייט. איך האב פון אלעס געהערט — אייערע זארג. יא, איהר זייט א וואונדערליכער מאן! — האט זיא געזאגט מיט א בעדייטענדען און מילדען פנים, אזוי וויא זיא וואלט איהם בעשאנקען מיט א מעדאל פון גרויסמוטה פאר זיין האנדלונג אין בעצוג צו זיין פרוי.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך קאלט פערנייגט, האט א קוש געטאהן זיין פרוי׳ס האנד און האט זיא א פרעג געטאהן וועגען איהר געזונד.

— איך פיהל זיך, דורט זיך, בעסער — האט זיא געזאגט אויסמיידענדיג זיין בליק.

— אבער אייער געזיכטס־פארב איז עפעס פיבעריש — האט ער געזאגט אנדייטענדיג אויף דעם ווארט פיבעריש.

—מיר האבען זיך מיט איהר צו פיעל צורעדט — האט געזאגט בעטסי.
— איך פיהל אז דאס איז צו עגאאיסטיש פון מיין זייט, און איך פאהר אוועק.

זיא האט זיך אויפגעהויבען, אבער אננא האט שנעל אנגעכאפט איהר האנד, רויט ווערענדיג פלוצלונג.

— ניין, זייט דא נאך, איך בעט אייך. איך דארף אייך זאגען... ניין, אייך — האט זיא זיך א ווענד געטאהן צו אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, און א רויטקייט האט בעדעקט איהר האלז און דעם שטערען — איך וויל ניט און קאן ניט בעהאלטען קיין זאך פון אייך — האט זיא געזאגט.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט א קנאק געטאהן מיט דיא פינגער און האט ארונטערגעלאזען דעם קאפ.

— בעטסי זאגט, אז גראף ווראנסקי ווינשט אונז בעזוכען אום צו נעדמען אבשיעד פאר זיין אבפאהר קיין טאשקענט. איך האב געזאגט, אז איך קאן איהם ניט אויפנעהמען.

— איהר האט געזאגט, מיין פריינד, אז דאס וועט אבהייגען פון אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש — האט בעטסי פערריכט איהרע ווערטער.

— אבער ניין, איך קאן איהם ניט אויפנעהמען און דאס וועט דאך צו קיין זאך ניט... — זיא האט זיך פלוצלונג אבגעשטעלט און האט פראגליך א קוק געטאהן אויפ׳ן מאן (ער האט ניט געקוקט אויף איהר) — מיט איין ווארט, איך וויל ניט...

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך צוגערוקט און האט געוואלט נעהמען איהר האנד.

— איך דאנק אייך זעהר פאר אייער פערטרויען — האט ער געזאגט פיהלענדיג, אז דאס וואס ער וואלט געקאנט בעשליסען אליין מיט זיך גאנץ לייכט, קאן ער ניט אין דער אנוועזענהייט פון פירסטין טווערסקאיא, וועלכע איז אין זיינע אויגען געוועזן דיא פערקערפערונג פון יענער גראבער קראפט,

וועלכע דארף לייטען זיין לעבען אין דיא אויגען פון דער געזעלשאפט. ער האט זיך אבגעשטעלט און האט א קוק געטאהן אויף פירסטין טווערסקאיא.

— נו, אדיע, מיין פראכט — האט בעטסי געזאגט אויפשטעהענדיג. זיא היט א קוש געטאהן אננא'ן און איז ארויסגעגאנגען. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיא בעגלייט.

— אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, איך קען אייך פאר אן אמת'ן גרויס־מוטהיגען מענשען — האט געזאגט בעטסי אבשטעלענדיג זיך אין דעם קליינעם גאנג צימער און דריקענדיג מיט בעזאנדער בעדייטונג זיין האנד — איך בין דאך א זייטיגער מענש, אבער איך ליעב אזוי אננא'ן און רעספעקטיר אזוי אייך, אז איך ערלויב זיך צו געבען אן עצה. נעהמט איהם אויף. אלעקסיי ווראנסקי איז דיא פערזאניפיצירטע עהרע, און ער פאהרט אב קיין טאשקענט.

— איך דאנק אייך, פירסטין, פאר אייער אנטהייל און פאר אייערע עצות. אבער דיא פראגע, אויב מיין פרוי קאן אדער קאן ניט וועמען אויפנעה־מען, וועט זיא אליין ענטשיידען.

ער האט דאס געזאגט אויפהויבענדיג זיינע ברעמען, וויא זיין געוועהנ־הייט איז געוועזען, און האט גלייך א טראכט געטהאן, אז וועלכע ווערטער ער זאל ניט זאגען, קאן אבער קיין ווירדע ניט זיין אין זיין לאגע גופא. און דאס האט ער גלייך געזעהען פון דעם בייזען און אבלאכענדען שמייכעל, מיט וועל־כען בעטסי האט אויף איהם א קוק געטהאן נאך דער דאזיגער פראזע.

20

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך פערנייגט פאר בעטסי צום אב־שיעד און איז אוועק צו זיין פרוי. זיא איז געלעגען, אבער דערהערענדיג זיינע טריט, האט זיא זיך שנעל אוועקגעזעצט און האט א צושראקענע געקוקט אויף איהם. ער האט געזעהען, אז זיא האט געוויינט.

— איך בין דיר זעהר דאנקבאר פאר דעם פערטרויען וואס דו האסט צו מיר, — האט ער צערטליך געזאגט אין רוסיש דיזעלביגע פראזע, וועלכע ער האט פאר בעטסי'ן געזאגט אויף פראנצויז, און ער האט זיך געזעצט לעבען איהר. ווען ער האט גערעדט צו איהר אייף רוסיש און האט צו איהר געזאגט „דוא“ האט דער „דוא“ אימער אויפגערעגט אננא'ן. — און איך בין זעהר דאנקבאר דיר פאר דיין בעשלוס. איך רעכען אויך, אז אזוי וויא ער פאהרט אוועק, איז פאר גראף ווראנסקי ניטא קיין נויטווענדיגקייט צו קומען אהער. אבער איבעריגענס...

— יא, האב איך שוין דאך דאס געזאגט. איז צו וואס איז נויטיג דאס צו ווידערהאלען? — האט איהם פלוצלונג איבערגעשלאגען אננא מיט א גערייצט־קייט, וועלכע זיא האט נאך ניט בעוויזען צו איבערוועלטיגען. „קיין נויטווענדיג־

קייט — האָט זיא א טראכט געטאָהן — אז א מענש זאָל קומען נעהמען אָבשיעד פון יענער פרויענצימער, וועלכע ער ליעבט, פון וועלכער וועגען ער האָט געוואָלט אומקומען און האָט זיך רואינירט און וועלכע קאָן ניט לעבען אָהן איהם. ניטאָ קיין נויטוועגדיגקייט?“ זיא האָט פארדריקט דיא ליפּען און האָט ארונטערגעלאָזען איהרע גלאנציגע אויגען אויף זיינע הענד מיט דיא אָנגעלאָפענע אָדערן. — לאָמיר וועגען דעם מעהר קיין מאָל ניט ריידען, — האָט זיא געענדיגט שוין רוהיגער.

— איך האָב איבערגעלאָזען פאר דיר צו ענטשיידען דיא פראגע און איך בין זעהר גערן וואָס... — האָט געוועזען אָנגעהויבען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

— וואָס מיין וואונש איז אין איינשטימונג מיט אייערען, — האָט זיא שנעל געענדיגט זיין פראזע, זייענדיג אויפגערעגט וואָס ער ציהט אזוי דיא ווערטער אין דער צייט ווען זיא ווייס פון פריהער וואָס ער וועט זאָגען.

— יא, — האָט ער צוגעשטימט, — און פירסטין טווערסקאיא מישט זיך גאנץ ניט פּאסיג אין דיא שווערסטע פאמיליען־אנגעלעגענהייטען. בעזאָנדערענס נאָך זיא...

— איך גלויב קיין זאך ניט וואָס מען רעדט וועגען איהר — האָט שנעל געזאָגט אננא. — איך ווייס, אז זיא ליעבט מיך אויפריכטיג.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט א זיפץ געטאָהן און האָט געשוויגען. זיא האָט אונרוהיג געשפּיעלט מיט דיא פרענזלאך פון שלאָפראָק, אָנקוקענדיג איהם מיט יענעם העפליכען געפיהל פון פיזישען אבשטויס צו איהם, פאר וועלכען זיא האָט זיך געמאכט פאָרוווירפע, אָבער וועלכען זיא האָט ניט געקאָנט איבערוועלטיגען. זיא האָט איצט געוואונשען בלויז איינס — פּטור ווערען פון זיין אנוועזענהייט, וועלכע איז איהר געוועזען איבערדריסיג.

— איך האָב נאָר וואָס געשיקט נאָך'ן דאָקטאָר. — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

— איך בין געזונד; צו וואָס דארף איך א דאָקטאָר?

— ניין, דיא קליינינקע שרייט, און מען זאָגט, אז ביי דער אם פעהלט מילך.

— פאר וואָס־זשע האָסט דוא מיר ניט ערלויבט צו זויגען דאָס קינד, ווען איך האָב זיך אזוי געבעטען? אלץ איינס (אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט פערשטאנען וואָס דער „אלץ איינס“ בעדייט). זיא איז א קינד און מען וועט אויסמאטערען. — זיא האָט א קלונג געטאָהן און האָט געהייסען ברייגנען צו זיך דאָס קינד — איך האָב זיך געבעטען, אז איך וויל זויגען דאָס קינד האָט מען מיר ניט ערלויבט, און איצט מאכט מען מיר נאָך פאָרוווירפע.

— איך מאך קיין פאָרוווירפע...

— ניין, איהר מאכט פאָרוווירפע! מיין גאָט! פאר וואָס בין איך ניט געשטאָרבען! — און זיא האָט זיך צו־וויינט. — פערצייהע מיר, איך בין אויפגערעגט, איך בין אונגערעכט — האָט זיא געזאָגט קומענדיג צו זיך. — אָבער געה אוועק...

„ניין, דאָס קאָן אזוי ניט בלייבען" — האָט ענטשיעדען געזאָגט צו זיך אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש, ארויסגעהענדיג פון דער פרוי'ס צימער.

אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש האָט געזעהען קלאָהר, אז די גאנצע אויבערשטע געזעלשאַפט און זיין פרוי פאָדערן פון איהם עפּעס, אָבער וואָס נעמליך, דאָס האָט ער ניט געקאָנט פארשטעהן. ער האָט געפיהלט, אז איבער דעם האָט זיך ביי איהם אין הארצען ערוועקט א געפיהל פון ביטערקייט, וועלכער מאכט חרוב זיין רוה און די גאנצע פערדיענסט פון זיין האנדלונג געגען איהר. ער האָט גערעכענט, אז פאר אננאַן וואָלט געווען בעסער איבערצורייסען איהרע בעציהונגען צו ווראָנסקין, אָבער אויב זיי אַלע געפינען, אז דאָס איז אונמעגליך, איז ער פערטיג געווען זאָגאר ווידער צו דערלאָזען די דאָזיגע בעציהונגען, נור ניט מאכען די קינדער צו שאנד, ניט פערלירען זיי און ניט ענדערען זיין לאגע. וויא שלעכט דאָס זאָל ניט זיין, אַלץ איז דאָך דאָס געווען בעסער אַלס א שיידונג, איבער וועלכער איהר וואָלט אויסגעקומען צו זיין אין א קאָמפּראָמעטירענדער, שענדליכער לאגע, און ער אַליין וואָלט פערלירען אַלעס וואָס ער ליעבט. ער האָט אָבער געפיהלט זיך אונמעכטיג; ער האָט געוואוסט פאָראויס, אז אַלע זיינען געגען איהם און אז מען וועט איהם ניט לאָזען טאָהן דאָס, וואָס פאר איהם האָט איצט אויסגעוויזען אזוי נאטירליך און אזוי גוט, נור מען וועט איהם צווינגען צו טאָהן דאָס, וואָס איז שלעכט, אָבער וואָס זיי דיינקען, אז ער מוז.

21.

בעטסי האָט נאָך ניט צייט געהאַט ארויסצוגעהן פון זאַל, וויא סטעפאַן ארקאַדיעוויטש, וועלכער האָט ערשט בעוויזען צו קומען פון יעליסעיעווען, וואו מען האָט ערהאַלטען פרישע אויסטערן, האָט איהר בעגעגענט אין טהיר.

— א, פירסטין! דאָס איז אַן אנגענעהמע בעגעגעניש! — האָט ער געזאָגט — און איך בין דאָך געווען ביי אייך.

— א בעגעגעניש אויף איין מינוט, ווארום איך פאָהר אַוועק — האָט געזאָגט בעטסי, שמייכלענדיג און אָנטאָהנדיג די האַנד־שוה.

— ציהט אויף, פירסטין, מיט אנטאָהן די האַנדשוה; גיט מיר פריהער א קוש טאָהן אייער הענטעלע. פאר קיין זאך בין איך אזוי ניט דאנקבאר וואָס מען האָט איינגעפיהרט צוריק די אַלטע מאָדעס, וויא פאר דער אַלטער מאָדע די הענד צו קושען — ער האָט א קוש געטאָהן בעטסים האַנד — ווען־זשע וועלען מיר זיך זעהען?

— איהר זייט ניט ווערטה — האָט געזאָגט בעטסי שמייכלענדיג.

— ניין, איך בין זעהר ווערטה, ווארום איך בין געוואָרען דער ערנסטסטער מענש. ניט בלויז ברייננג איך אין אָרדנונג מיינע אייגענע פאַמיליען־אנגעלעגענהייט, נור אפילו די פאַמיליען־אנגעלעגענהייטען פון אנדערע — האָט ער געזאָגט מיט אַן אָנדייטענדען אויסדרוק פון פנים.

— אך, איך בין זעהר גערן! — האָט געענטפערט בעטסי פארשטעהענדיג גאנץ גוט אז ער רעדט דאָס וועגען אננאַן. זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין זאַל און האָבען זיך געשטעלט ריידען אין א ווינקעלע — ער וועט דאָך זיא אויסמאַטערן—האָט געזאָגט בעטסי, שעפּצענדיג פיעלדייטיג—דאָס איז דאָך אונ־

# אננא קארעגינא

מעגליך, אונמעגליך...

— עס פרעהט מיך וואס איהר דיינקט אויף אזוי — האט געזאגט סטע־פאן ארקאדיעוויטש, שאקלענדיג מיט'ן קאפ מיטליידיג — איך בין דאך צוליעב דעם געקומען קיין פעטערסבורג.

— דיא גאנצע שטאדט רעדט וועגען דעם — האט זיא געזאגט — דאס איז דאך אן אונמעגליכע לאגע. זיא געהט אויס און געהט אויס. ער פארשטעהט ניט, אז זיא איז איינע פון יענע פרויען, וועלכע קאנען ניט שפאסען מיט זייערע געפיהלען. איינס פון דיאביידע: אדער זאל ער האנדלען ענערגיש, אוועקפיהרען זיא ערגעץ, אדער בעפריי זיא און גיב איהר א גט. דאס דערשטיקט דאך זיא.

— יא, יא... געוויס... — האט געזיפצט אבלאנסקי — איך בין דאך צוליעב דעם געקומען. דאס הייסט, ניט אייגענטליך צוליעב דעם... מען האט מיך ער־הויבען צום ראנג פון קאמער־הערר, נו דארף מען דאך דאנקען. אבער הויפטזעכליך דארף מען זעהען דאס איינארדנען.

— נו, זאל אייך גאט העלפען! — האט געזאגט בעטסי.

בעגלייטענדיג דיא פירסטין ביז'ן פירהויז, האט ער ווידער א קוש געטאהן איהר האנד העכער פון האנדשוה, דארט, וואו עס שלאגט דער פולס און אנריי־דענדיג איהר נאך א מאסע ליגנערישע אונאנשטענדיגע דומהייטען, אז זיא האט ניט געוואוסט צו זאל זיא אין כעס ווער ען אדער זאל זיא לאכען, איז סטעפאן ארקאדיעוויטש אוועק צו דער שוועסטער. ער האט זיא געפונען א וויינענדיגע

ניט קוקענדיג וואס ער איז געווען אזוי פרעהלאך אויפגעלייגט, איז סטע־פאן ארקאדיעוויטש באלד איבערגעגאנגען אין יענעם מיטפיהלענדען, פאעטיש־אויפגערעגטען טאן, וועלכער האט געפאסט צו איהר שטימונג. ער האט זיך נאכ־געפרעגט וועגען איהר צושטאנד, וויא זיא פיהלט היינט.

— זעהר, זעהר שלעכט. נעכטען און היינט און אזוי אלע פערגאנגענע און קומענדע טעג — האט זיא געזאגט.

— מיר דוכט זיך אז דוא גיבסט זיך צופיעל איבער דער מרה־שחורה. מען דארף זיך א טרויסעל טאהן, מען דארף א קוק טאהן אויפ'ן לעבען גלייך. איך וויים, אז דאס איז שווער, אבער....

— איך האב געהערט, אז פרויען ליעבען מענער אפילו פאר זייערע זינד — האט פלוצלונג א זאג געטאהן אננא — אבער איך האס איהם פאר זיין טוגענד. איך קאן מיט איהם ניט לעבען. דוא פארשטעה, אז דאס ווירקט אויף מיר פי־זיש, איך קאן דאס ניט ערטראגען. איך קאן ניט, איך קאן מיט איהם ניט לעבען... וואס־זשע זאל איך טאהן? איך בין געווען אונגליקליך און האב געמיינט, אז און־גליקליכער קאן מען שוין ניט זיין, אבער יענעם שרעקליכען צושטאנד, וועלכעי איך לעב איצט איבער, האב איך זיך אפילו פארשטעלען גאר ניט געקאנט. וועסט דוא מיר גלויבען, אז וויסענדיג אז ער איז א גוטער, פראכטפולער מענש, אז איך בין אפילו זיין נאגעל ניט ווערטה, פון דעסטוועגען האס איך איהם. איך האסס איהם פאר זיין גרויסמוטה. און מיר בלייבט קיין זאך ניט, אויסער....

זיא האט געוועלט זאגען אויסער דעם טויט, אבער סטעפאן ארקאדיעוויטש האט זיא ניט געלאזען ענדיגען.

# אננא קארעגינא

— דוא ביסט קראַנק און נערוועז — האָט ער געזאָגט — גלויב מיר, אַז דוא פארגרעסערכסט דיא זאַך שרעקליך. דאָ איז גאָר ניטאָ עפּעס אַזעלכעס שרעקליכעס.

און סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט צערטליך אַ שמייכעל געטאָהן. זיינע ווייכע, שטילע, בערוהיגענדע רייד האָבען בערוהיגענד געווירקט, וויא מאַנדעלמילך. און אננאַ האָט דאָס דערפיהלט.

— ניין, סטיווא — האָט זיא געזאָגט — איך בין פערלאָרען! איך בין פערלאָרען! ערגער אַלס פערלאָרען. אָבער דאָס איז נאָך ניט דיא ענדע. ניין, איך בין נאָך ניט פערלאָרען, איך קאָן ניט זאָגען, אַז אַלעס איז שוין געענדיגט. פאַרקעהרט, איך פיהל, אַז דאָס איז נאָך ניט דער סוף. איך בין וויא אַן אָנגעצויגענע סטרונע, וועלכע דאַרף פּלאַצען. אָבער עס האָט זיך גאָר ניט געענדיגט... און ענדיגען וועט זיך שרעקליך.

— נישט-קשה, מען קאָן שטילינקערהייט אָבלאָזען דיא סטרונע. ניטאָ קיין לאַגע, פון וועלכער קיין אויסגאַנג זאָל ניט זיין.

— איך האָב געטראַכט און געטראַכט. בלויז איין...

ער האָט ווידער פערשטאַנען פון איהר צושראָקענעם פּנים, אַז דער איין אויסגאַנג, לויט איהר מיינונג, איז דער טויט, און ער האָט איהר ניט געלאָזען דעררייידען.

— עס איז גאָר ניט אַזוי — האָט ער געזאָגט — ערלויב נור, דוא קאָנסט ניט זעהען דיא לאַגע אַזוי גוט וויא איך. ערלויב מיר אָפען ארויסצוזאָגען מיין מיינונג — און ער האָט ווידער אַ שמייכעל געטאָהן מיט זיין מאַנדעל-מילך שמייכעל — איך וועל אָנהויבען פון אָנהויב: דוא האָסט געהייראַטה מיט אַ מענשען, וועלכער איז מיט צוואַנציג יאָהר עלטער פון דיר; דוא האָסט געהייראַטה אָהן ליעבע אָדער ניט וויסענדיג פון ליעבע. דאָס איז געוועזן אַ פעהלער.

— אַ שרעקליכער פעהלער! — האָט געזאָגט אננאַ.

— אָבער איך ווידערהאָל: דאָס איז שוין אַ געשעהענער פאַקט. דערנאָך, זאָגען מיר, האָסט דוא געהאַט דעם אונגליק צו פערליבען זיך ניט אין דיין מאַן. דאָס איז אַן אונגליק; אָבער דאָס איז אויך אַ געשעהענער פאַקט. און דיין מאַן האָט זיך דערוואוסט און האָט דיר פערצייהעט. אַזוי איז דאָס. איצט איז דיא פראַגע: קאָנסט דוא ווייטער וואָהנען מיט דיין מאַן אָדער ניט? ווינשט דוא דאָס? ווינשט ער דאָס?

— איך ווייס ניט, איך ווייס גאָרנישט.

— אָבער דוא האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דוא קאָנסט איהם ניט פאַרטראָגען?

— ניין, איך האָב ניט געזאָגט. איך לייקען דאָס אָב. איך ווייס גאָרנישט און פערשטעה גאָרנישט.

— יאַ, אָבער ערלויב...

— דוא קאָנסט עס ניט פאַרשטעהן. איך פיהל, אַז איך פליה מיט'ן קאָפּ עפּעס אין אַ תהום, אָבער איך טאָר זיך ניט רעטען. און קאָן ניט.

— נישטקשה, מיר וועלען אונטערבעטען און וועלען דיך אונטערכאַפּען.

איך פארשטעה דיך, איך פארשטעה, אז דוא קאָנסט זיך ניט אָננעהמען ארויסצו־זאָגען דיינע געפיהלען, דיין וואונש.

— איך ווינש גאָרנישט, איך ווינש בלויז, אז דאָס זאָל זיך ענדיגען.

— אָבער ער זעהט דאָך דאָס און פארשטעהט. און מיינסט דוא דען, אז דאָס איז פאר איהם גרינגער איידער עס איז פאר דיר? דוא פּלאָגסט זיך, ער פּלאָגט זיך, און וואָס־זשע קאָן פון דעם ארויסקומען? אָבער אַ גט קאָן דאָס אַלעס לייזען — האָט ניט אָהן אנשטריינגונג געזאָגט ענדליך סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש זיין הויפּט געדאַנק און האָט פיעלדייטיג אויף איהר אַ קוק געטאָהן.

זיא האָט קיין זאַך ניט געענטפערט און האָט פערניינענד געשאָקעלט מיט איהר אָבגעשאָרענעם קאָפּ. אָבער פון דעם אויסדרוק פון איהר פּנים וועלכער האָט פּלוצלונג ליכטיג אַ שיין געטאָהן, האָט ער געזעהען אז דאָס איז ניט געווען איהר פערלאַנג בלויז דערפאר, ווייל זיא האָט דאָס גערעכענט פאר אַ גליק, וואָס קאָן ניט פערווירקליכט ווערען.

— מיך פערדריסט זעהר פאר אייך ביידען! און וויא גליקליך וואָלט איך געווען ווען מיר וואָלט געלינגען דאָס איינצואָרדנען! — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש שמייכלענדיג דרייסטער — רייד ניט, רייד גאָר ניט! ווען גאָט וואָלט מיר נור געבען דיא מעגליכקייט ארויסצוזאָגען אַלעס, וויא איך פיהל. איך געה איצט צו איהם.

אננא האָט מיט פערטראַכטע גלאַנצענדע אויגען אַ קוק געטאָהן אויף איהם און האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.

## 22.

סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש איז אריינגעגאַנגען צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ־וויטשען אין קאַבינעט מיט יענער איינגערמאָסען געהויבענקייט, וויא ער פלעגט אריינקומען אין זיין קאַנצעלאַריע און פארנעהמען דעם פּלאַץ פון פּאָרזיצענדער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער מיט דיא הענד אַהינטער און האָט געטראַכט וועגען דאָסזעלביגע וועגען וואָס סטעפּאַן ארקאַ־דיעוויטש איז אריינגעקומען מיט איהם ריידען.

— שטער איך דיר ניט? — האָט געפרעגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש.

— ניין, דארפסט דוא וואָס? — האָט אונוויליג געענטפערט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— יא, מיר האָט זיך געוועלט... איך דארף... יא, מען דארף זיך דורכריי־דען — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש וואונדערענדיג זיך אויף זיין איי־גענער פערלעגענהייט, צו וועלכער ער איז ניט געווען געוועהנט.

דאָס געפיהל פון פערלעגענהייט איז פאר איהם געווען אַזוי זאָנדרבאַר און אונערוואַרטעט, אז סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט ניט געגלויבט אז דאָס איז גע־

ווען דיא שטימע פון געוויסען, וועלכע האט איהם געזאגט, אז דאס וואס ער געהט טאהן איז ניט גוט. סטעפאן ארקאדיעוויטש האט געמאכט איבער זיך אן אנ־שטריינגונג.

— איך האף, אז דוא גלויבסט אז איך ליעב מיין שוועסטער און רעס־פעקטיר דיך — האט ער געזאגט רויט ווערענדיג.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך אבגעשטעלט און האט גארנישט געענטפערט; אבער זיין פנים האט סטעפאן ארקאדיעוויטשען איבערראשט פאר זיין אויסדרוק פון אן אונטערטהעניגען אפפער.

— איך האב געהאט אין זינען, איך האב געוועלט ריידען וועגען דער שוועסטער און וועגען אייער ביידענס לאגע — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיע־וויטש אלץ קעמפפענדיג מיט זיין אונגעוועהנטער שעהמעוודיגקייט.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט טרויעריג א שמייכעל געטאהן, האט א קוק געטאהן אויף זיין שוואגער, און ניט ענטפערענדיג איהם, איז ער צוגעגאנגען צום טיש, האט גענומען א בריעף, וועלכען ער האט נור וואס געווען אנגעהויבען צו שרייבען און האט דערלאנגט דעם שוואגער.

— איך דיינק וועגען דאסזעלביגע אויך אהן אויפהער. און אט וואס איך האב אנגעהויבען שרייבען רעכענענדיג, אז איך וועל בעסער דאס קענען ארויסזאגען שריפטליך, ווייל מיין אנוועזענהייט מאכט זיא נערוועז — האט ער געזאגט, דערלאנגענדיג איהם דעם אנגעהויבענעם בריעף.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט גענומען דעם בריעף און האט מיט פער־וואונדערונג און אונפערשטענדליך געקוקט אויף דיא מוטנע אויגען פון אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, וועלכע זיינען געווען אויף איהם אויסגעשטעלט, און ער האט גענומען לעזען.

„איך זעה אז מיין אנוועזענהייט איז פאר אייך א לאסט. וויא שווער מיר איז ניט געווען צו איבערצייגען זיך דעריין, זעה איך דאך אז דאס איז אזוי און קאן אנדערש ניט זיין. איך בעשולדיג אייך ניט און גאט איז מיין עדות, אז ווען איך האב אייך דערזעהען אין דער צייט פון אייער קראנקהייט, האב איך פון גאנצען הארצען פארגעסען אלעס, וואס צווישען אונז איז געווען און פערטיג אנ־צוהויבען א נייעם לעבען. איך האב קיין חרטה ניט און וועל קיין מאהל קיין חרטה ניט האבען אויף דאס וואס איך האב געטאהן; איך האב אבער געוואונשען איינס — אייער וואהלזיין, דאס וואהלזיין פון אייער נשמה, און איצט זעה איך, אז איך האב דאס ניט ערגרייכט. זאגט איהר מיר אליין, וואס וועט אייך געבען אמת'ן גליק און רוהע פאר אייער זעעלע. איך גיב זיך אין גאנצען איבער אייער ווילען און אייער געפיהל פון גערעכטיגקייט.“

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט איהם אבגעגעבען צוריק דעם בריעף און האט מיט דעמזעלבען ניט פארשטעהענדען בליק געקוקט אויף איהם, ניט וויסענדיג וואס צו זאגען. דאס שווייגען איז געווען פאר זיי ביידען אזוי שווער, אז אין סטעפאן ארקאדעוויטשעס ליפען האט זיך געפיהלט א קראנקהאפטע ציטער אין דער צייט וואס ער האט געשוויגען, ניט אראבנעהמענדיג זיינע אויגען פון קארענינען.

— דאָס האָב איך איהר געוועלט זאָגען — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש אבקעהרענדיג זיך.

— יא, יא . . . — האָט געזאָגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש, האָבענדיג דיא קראפּט צו ענטפערן, ווארום טהרערען האָבען זיך איהם געשטעלט אין האלז

— יא, יא, איך פארשטעה אייך — האָט ער ענדליך ארויסגערעדט.

— איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס פערלאנגט זיא — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראוואָיטש.

— איך האָב מורא אז זיא פארשטעהט אליין ניט איהר לאגע. זיא קאָן ניט אורטיילען — האָט געזאָגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש קומענדיג אליץ מעהר צו זיך — זיא איז דערשלאָגען, נידערשלאָגען פון דיין גרויסמוטה. ווען זיא וועט איבערלעזען אזא בריעף וועט זיא קיין כח ניט האָבען קיין זאך צו זאָגען, זיא וועט בלויז נאָך נידריגער ארונטערלאָזען איהר קאָפּ.

— יא, אָבער וואָס־זשע זאָל געטאָהן ווערען אין אזא פאל ? . . . וויא ערקלעהרען איהר . . . וויא אויסגעפינען איהרע פערלאנגען ?

— אויב דוא וועסט מיר ערלויבען זאָגען מיין מיינונג, מיין איך, אז פון דיר אליין הייננגט אָב אָנצואווייזען גלייך יענע מיטלען, וועלכע דוא געפינסט פאר נויטיג אום צו מאַכען אַן ענדע צו דער דאָזיגער לאגע.

— הייסט דאָס, אז דוא געפינסט, אז מען דארף מאַכען אַן ענדע ? — האָט איהם איבערגעשלאָגען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש — אָבער וויא ? איך זעה ניט קיין מעגליכען אויסגאנג.

— פון יעדער לאגע קאָן מעגליך זיין אַן אויסגאנג — האָט געזאָגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש אויפשטעהענדיג און ווערענדיג מונטערער.—עס איז געוועזען אַ צייט, ווען דוא האָסט געוואָלט צורייסען דיינע בעציהונגען . . . ווען דוא זאָלסט איצט איינגעפינען אַז איהר קאָנט צוזאמען ניט גליקליך זיין . . .

— גליק קאָן מען פארשטעהן אויף פערשיעדענע־ערליי אופנים. אָבער לאָמיר רעכענען, אז איך געה איין אויף אלעס, איך וויל אליין גאָרנישט. וואָס פאר אַן אויסגאנג קאָן דאן זיין פון אונזער לאגע ?

— אויב דוא ווילסט וויסען מיין מיינונג — האָט געזאָגט סטעפּאן ארקאדיעוויטש מיט יענער ווייך־מאַכענדען מאַנדעל־מילכיגען שמייכעל, וויא ער האָט גערעדט מיט אננאַ'ן. דער גוטער שמייכעל איז געוועזען אזוי ווירקזאם, אז אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האָט ניט וועלענדיג זיך אונטערוואַרפען איהר ווירקונג און, איז געוועזען פארטיג צו גלויבען אין אלעס וואָס סטעפּאן ארקאדיעוויטש וועט איהם זאָגען — זיא וועט דאָס אליין קיין מאָהל ניט זאָגען. אָבער מעגליך איז דאָ נור איינס און דאָס איינע איז וואָס קאָן זיין איהר וואונש — האָט פאָרטגעזעצט סטעפּאן ארקאדיעוויטש — דאָס איז מאַכען א סוף צו אייערע בעציהונגען און צו אלע עראינערונגען וואָס זיינען דערמיט פערבונדען. לויט מיין מיינונג איז אין אייער לאגע נויטיג קלאהר צו מאַכען זיך וועגען גאנץ אנדערע בעציהונגען צווישען אייך, און דיא דאָזיגע בעציהונגען קאָנען נור מעגליך זיין ווען איהר ביידע זאָלט זיך פּאָלשטענדיג בעפרייען איינער פון צווייטען.

— א גט — האָט מיט אבשטוים איהם איבערגעשלאָגען אלעקסיי אלעק־

כאַנדראָוויטש.

— יא, יא, איך רעכען, אַז אַ גאָט, יא, אַ גאָט — האָט רויט ווערענדיג ווידערהאָלט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש — דאָס איז אין אַלע הינזיכטען דער קליגסטער אויסגאַנג פאַר אַ פּאָאַר פּאָלק, וואָס געפינט זיך אין אַזעלכע בעציהונגען, ווי איהר. וואָס־זשע זאָל מען מאַכען, אויב מאַן און ווייב געפינען אויס אַז פאַר זיי איז אונמעגליך צוזאַמען צו לעבען. דאָס קאָן אַלע מאָהל פּאַסירען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט שווער זיך אַבגעאַטהעמט און האָט פערמאַכט דיא אויגען.

— דאָ איז בלויז איין זאַך וואָס דאַרף בעטראַכט ווערען: צו ווינשט איינער פון'ם פּאָאַר פּאָלק ווידער חתונה צו האָבען? אויב ניט, דאַן איז דאָס גאַנץ איינפאַך — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַלץ מעהר קומענדיג צום מוטה און אין גאַנצען אַ בעפרייטער פון דער פערלעגענהייט, וועלכע ער האָט פון אָנפאַנג געפיהלט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט עפּעס אַ מורמעל געטאָהן פאַר זיך און האָט גאָרנישט געענטפערט. אַלעס, וואָס האָט זיך פאַר סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אויסגעוויזען אַזוי איינפאַך, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איבערגעטראַכט שוין טויזענדע־טויזענדע מאָהל. און דאָס אַלעס האָט איהם אויסגעזעהען ניט נור ניט זעהר איינפאַך, נור איהם האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז לחלוטין אונמעגליך. איהם האָט זיך געדוכט, אַז אַ גט איז אונמעגליך פאַר זיי דערפאַר, ווייל דאָס געפיהל פון רעספּעקט צו זיך אַליין און אַכטונג צו דער רעליגיאָן האָבען איהם ניט געקענט ערלויבען נעהמען אויף זיך דיא פאַלשע שולד פון ניאוף כדי צו קאָנען אויסווירקען אַ גט, דיא איינצעלהייטען פון וועלכען זיינען איהם שוין בעקאַנט, און ער האָט נאָך וויינציגער געקאָנט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז ער זאָל מאַכען דיא דאָזיגע בעשולדיגונג געגען זיין ווייב נאָך דעם ווי ער האָט איהר פערצייהעט און האָט זיא אַזוי געליעבט; ער האָט דאָך ניט געקאָנט מאַכען זיא צו שאַנד און צו שפּאָט. אָבער אַ גט האָט איהם אויסגעוויזען אונמעגליך נאָך איבער אַנדערע וויכטיגערע אורזאַכען.

וואָס וועט זיין מיט'ן זוהן אין פאַל פון אַ גט? לאָזען איהם מיט דער מוטער איז געווען אונמעגליך. דיא גע'גט'ע מוטער וועט האָבען איהר אונגעזעצליכע פאַמיליע, אין וועלכער ער, אַלס אַ שטיף־קינד, וועט מסתמא קיין גוטע ערציהונג ניט קאָנען ערהאַלטען. לאָזען איהם ביי זיך? דאָס וואָלט דאָך געווען אַזוי ווי גענומען נקמה פון איהר, און ער האָט ניט געוואָלט איהר יסורים פעראורזאַכען און איז געווען ווייט פון ראַכע נעהמען. נור אויסער דעם האָט דיא אונמעגליכקייט פון אַ גט מעהר פון אַלעס געוויזען זיך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען דערפאַר, וואָס דאָס וואָלט אַננאַן רואינירען. איהם זיינען דעמאָלט אין מאָסקווא אריין טיעף אין דער נשמה דאריא אַלעקסאַנדראָוונא'ס ווערטער, אַז אַ גט וועט דאָך אַננא'ן אויף אימער רואינירען. דיא אַלע אורזאַכען צוזאַמען האָבען זיך צוגויפגעבונדען נאָך מיט זיין ליעבע צו דיא קינדער. איינשטימען אויף אַ גט און לאָזען זיא בעזונדער לעבען וואָלט הייסען פאַר איהם פערלירען דעם לעצטען צובונד צום לעבען — דיא קינדער, וועלכע ער האָט געליעבט, און פערלירען אויך זיא,

# אננא קארענינא

צונעהמען ביי איהר דעם לעצטען אנהאלט און זיא וועט אראבזינקען אין אבגרונד. ער האט געוואוסט, אז ווען זיא וועט זיין א גע׳גט׳ע פרוי וועט זיא געהן לעבען מיט ווראנסקין, אבער דאס וועט דאך זיין אן אונגעזעצליכעס לעבען, וואָרום לויט דיא קירכליכע געזעצע טאר דיא גע׳גט׳ע פרוי ניט הייראטהען אזוי לאנג וויא דער מאן לעבט נאך.

„ער וועט מיט איהר לעבען, און אין צוויי־דריי יאהר ארום וועט ער זיא אוועקווארפען אדער זיא וועט זיך פערבינדען מיט אן אנדערן — האט געטראכט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש — און איך, וועלכער האט איינגעשטימט אויף א גט וועל זיין דער שולדיגער אין איהר חורבן". דאס אלעס האט ער איבערגעטראכט הונדערטע מאהל און ביי איהם איז אויסגעקומען אז עס איז לחלוטין אונמעגליך. ער האט ניט געגלויבט אין קיין איין ווארט פון סטעפאן ארקאדיעוויטשעס רייד; ער האט געגען יעדען ארגומענט געהאט טויזענד זאכען וואס צו ענטפערען, ער האט זיך אבער צוגעהערט צו זיינע רייד וויסענדיג אז אין סטעפאן ארקאדיעוויטשעס ווערטער איז אויסגעדריקט יענע מעכטיגע קראפט, וועלכע לייטעט זיין לעבען און וועלכע ער מוז פאלגען.

— דיא פראגע איז בלויז, וויא, אויף וועלכען אופן דוא שטימסט איין אויסצואווירקען א גט. זיא וויל קיין זאך ניט, זיא וואגט ניט א פרעג צו טאהן דיך וועגען דעם, זיא פערלאזט זיך אין גאנצען אויף דיין גרויסמוטהיגקייט.

„מיין גאט! מיין גאט! פאר וואס?" האט א טראכט געטאהן אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, בעטראכטענדיג דיא איינצעלהייטען פון א גט, אין וועלכען דער מאן נעהמט אויף זיך אליין אזא שולד און ער האט פארדעקט זיין פנים מיט דיא הענד פון שאנדע, וויא דאס האט פריהער געטאהן ווראנסקי.

— דוא ביסט געקריינקט, איך פארשטעה דיך. אבער אויב דוא וועסט בעטראכטען....

„און ווען מען שלאגט דיך אין דער לינקער באק, שטעל אונטער דיא רעכטע, און ווען מען נעהמט אב דיין ראק, גיב אוועק אויך דיא העמד", האט א טראכט געטאהן אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש.

— יא, יא! — האט ער א געשריי געטאהן מיט א קוויטשענדיגע שטימע— איך נעהם אויף זיך דיא שאנדע, איך גיב אב דעם זוהן, אבער... אבער צו איז דען ניט בעסער אויפהערען דאס? איבעריגענס טהו וויא דו ווילסט....

און אבקעהרענדיג זיך פון שוואגער אזוי אז יענער זאל איהם ניט זעהען, האט ער זיך געזעצט אויף א שטוהל לעבען פענסטער. איהם איז געווען ביטער, איהם איז געווען מיאוס, אבער אין דערזעלבער צייט האט ער געפיהלט וויא צוזאמען מיט דער שאנדע און ביטערנעס האט ער אויך דיא בעפריעדיגונג פון מילדקייט, אונטערווארפענדיג זיך צו דיא דאזיגע יסורים, וועלכע ער איז מקבל באהבה.

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געווען גערידהרט. ער האט געשוויגען.

— אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, גלויב מיר — האט ער געזאגט אין א ווילע ארום, — אז זיא וועט אבשעצען דיין גרויסמוטה. אבער אזוי איז דאך אפנים דער ווילען פון גאט.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט געוועלט וואס ענטפערען, אבער טרעה־

רען האָבען איהם געשטיקט.

— דאָס איז אַ באַשערטער אונגליק און מען קאָן זיך ניט העלפען, מען דאַרף זיך דערמיט רעכענען. איך בעטראַכט דעם דאָזיגען אונגליק אַלס אַ געשעהענעם פאַקט און זוך צו העלפען אייךביידען — האָט געזאָגט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש.

ווען סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז ארויס פון זיין שוואָגערס צימער, איז ער געווען גערירט, אָבער דאָס האָט איהם ניט געשטערט פון צו פילען זיך צופריעדען דערמיט וואָס ער איז געווען אַזוי ערפאָלגרייך אין אויספיהרען אַזאַ זאַך, ווארום ער האָט געוואוסט, אַז איין מאָל האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געגעבען אַ וואָרט, וועט ער שוין אַנדערש ניט האַנדלען. צו דער דאָזיגער בעפריעדיגונג איז נאָך צוגעקומען דער פערגעניגען פון אַ חכמה, וואָס איז איהם איצט אַ ריין אויפ׳ן זינען. דיא חכמה איז בעשטאַנען דעריין, אַז ווען ער וועט קומען צו פאָהרען אהיים וועט ער זיין פרוי און בעקאַנטע פאַרגעבען אַ רעטעניש: „וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען מיר און אַ פעלדמאַרשאַל? — אַ פעלדמאַרשאַל צופיהרט („צופיהרט דיא מחנות" איז אַ מיליטערישער אויסדרוק) און קיינעם איז דערפון ניט בעסער, און איך האָב צופיהרט — און פאַר דריי מענשען איז דערפון בעסער געוואָרען....

## 23.

וראָנסקים וואונד איז געווען אַ געפעהרליכע אָבוואָהל עס איז געווען פערביי האַרצען. און עטליכע טעג האָט ער זיך איינגעפונען צווישען טויט און לעבען. ווען ער איז צום ערשטען מאָל נאָך זיין קראַנקהייט געווען אים שטאַנד צו ריידען, איז אין זיין צימער געווען בלויז זיין ברודער׳ס פרוי וואַריאַ.

— וואַריאַ — האָט ער געזאָגט, שטרייננג קוקענדיג אויף איהר — איך האָב אויסגעשאָסען אין זיך אונגערן. און איך בעט דיך רייד צו קיינעם ניט וועגען דעם און ווען עס קומט צו רייד זאָג אַלעמען אַזוי, אַז אונגערן. ווארום ווען ניט איז דאָס שוין צו נאַריש.

ניט ענטפערענדיג אויף זיינע ווערטער, האָט וואַריאַ מיט אַ פרעהליכען שמייכעל אַ קוק געטאָהן איהם אין פנים. זיינע אויגען האָבען געלויכטען אָבער זיינען ניט געווען פיבעריש און זייער אויסדרוק איז געווען שטריינג.

— נו, דאַנקען גאָט — האָט זיא געזאָגט — טהוט דיר ניט וועה?

— אַביסעל דאָ — ער האָט געוויזען אויף דער ברוסט.

— לאָז, איך וועל איבערבאַנדאַזשירען.

ער האָט שווייגענדיג געקוקט אויף איהר, וויא זיא האָט איבערבאַנדאַזשירט זיין וואונד. ווען זיא האָט געענדיגט האָט ער געזאָגט:

— איך רייד ניט פון היץ; איך בעט דיך, מאַך אַזוי אַז עס זאָל קיין רייד

ניט זיין וועגען דעם, אז איך האב זיך געוועלט דערשיסען.

— קיינער זאגט דאס גאר ניט. איך האף בלויז, אז דוא וועסט ווייטער ניט זיין אזוי אונפארזיכטיג מיט שיסען.

— אפנים אז איך וועל ניט, הגם עס וואלט געווען בעסער ווען....

און ער האט מעלאנכאליש א שמייכעל געטאהן.

ניט קוקענדיג אויף דיא דאזיגע ווערטער און אויף זיין טרויעריגען שמייכעל, וועלכער האט וואריא׳ן דערשראקען, האט ער זיך דאך אנגעהויבען צו בעכערען, ווען דיא ענטציגדונג איז אריבער און ער האט אליין דערפיהלט, אז פון איין טהייל פון זיינע ליידען האט ער זיך בעפרייט. ער האט מיט דער דאזיגער טהאט וויא אבגעוואשען דעם פלעק פון שאנדע און ערנידריגונג, וועלכע ער האט פריהער געפיהלט. ער האט איצט רוהיג געקאנט טראכטען וועגען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש. ער האט געזעהען דיא מעגליכקייט ווידער צו קאנען קוקען מענשען גלייך אין דיא אויגען און האט געקאנט לעבען לויט זיין אלטער געוועהנהייט.

איין זאך וואס ער האט ניט געקאנט ארויסרייסען פון זיין הארצען איז געווען דער פערצווייפעלטער פערדרוס און קריינקונג וואס ער האט זיא אויף אימער פערלארען. ביי איהם אין הארצען איז געווען פעסט בעשלאסען, אז איצט ווען ער האט אבגעוואשען זיין שולד געגען איהר מאן, מוז ער זיך ענטזאגען פון איהר און קיין מאהל ניט שטעלען זיך צווישען איהר און איהר חרטה אויף דאס פערגאנגענע. אבער ער האט ניט געקאנט ארויסרייסען פון הארצען דעם פערדרוס פאר וואס ער האט אויף אייביג פערלארען איהר ליעבע; ער האט ניט געקאנט אויסמעקען פון זיין עראינערונג דיא גליקליכע מינוטען, וועלכע ער האט פערבראכט מיט איהר, דיא מינוטען, וועלכע ער האט דעמאלט ניט גענוג געשעצט און דער פיערגעניגען פון וועלכע האט איהם איצט אזוי פערפאלגט.

סערפוכאווסקי האט פאר איהם בעקומען א הויכע אמט אין טאשקענט און ווראנסקי האט גלייך איינגעשטימט אהין צו פאהרען. אבער וואס נעהנטער עס איז געקומען דיא צייט פון זיין אבפאהרען אלץ שווערער האט ער געפיהלט דעם אפפער וואס ער האט געבראכט פאר זיין פפליכט.

זיין וואונד האט זיך פערהיילט, און ער איז שוין אויסגעפאהרען אויף וויזיטען און האט זיך צוגעגרייט צו זיין נסיעה קיין טאשקענט.

„איין מאהל בלויז זיא זעהען און דערנאך בעגראבען זיך, שטארבען" האט ער געטראכט, מאכענדיג זיינע לעצטע וויזיטען אום צו זעגענען זיך, און ער האט דעם דאזיגען וואונש ארויסגעזאגט פאר בעטסין. מיט דיא דאזיגע שליחות איז בעטסי געפאהרען צו אננאן און האט געבראכט אן ענטפער, אז אננא זאגט זיך אב דערפון.

„דאס איז בעסער — האט א טראכט געטאהן ווראנסקי, ווען ער האט ערהאלטען דעם ענטפער — דאס וואלט געווען א שוואכקייט. וועלכע וואלט רואינירען מיינע לעצטע קרעפטען."

אויף מארגען איז בעטסי גאנץ פריה אליין צו איהם געקומען און האט ערקלעהרט, אז זיא האט דורך אבלאנסקי בעקומען א בעשטימטע נאכריכט, אז אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש גיט גט און אז דארום קאן ווראנסקי זעהען זיך מיט

אננאָן.

ניט זאָרגענדיג וועגן בעגלייטען בעטסין און פערגעסענדיג זיין בעשלוס, ניט פרעגענדיג ווען ער קאָן זיא זעהען, וואו איז דער מאַן, א. ז. וו. איז ווראָנסקי גלייך געפאָהרען צו דיא קארעניני. ער איז ארויפגעלאָפען אויף דיא טרעפּ, קיינעם און קיין זאך ניט זעהענדיג אין מיט שנעלע טריט, קיים צוריקהאלטענדיג זיך פון צו לויפען, איז ער אריין אין איהר צימער. און ניט טראַכטענדיג און ניט קוקענדיג צו איז פאראן ווער אין צימער אָדער ניט, האָט ער זיא געכאַפּט אין זיינע ארעמס און האָט זיא באדעקט מיט קושען, דיא הענד, דעם פּנים, דיא האלז.

אננא האָט זיך פארטיג געמאַכט פאר דעם בעזוך, האָט געטראַכט וואָס זיא וועט איהם זאָגען, אָבער זיא האָט ניט בעוויזען קיין זאך צו זאָגען: זיין ליידענשאַפט האָט זיא פערכאַפּט. זיין געפיהל האָט זיך איהר איבערגעבען. איהרע ליפּען האָבען אזוי געציטערט, אז זיא האָט לאַנג ניט געקאָנט אָנהייבען ריידען.

— יא, דוא האָסט מיך איבערוועלטיגט און איך בין דיינע — האָט זיא ענדליך ארויסגערעדט דריקענדיג זיינע הענד צו איהר ברוסט.

— אזוי דארף דאָס זיין! — האָט ער איהר געזאָגט — וויא לאַנג מיר לעבען, מוז עס אזוי זיין. איצט ווייס איך עס.

— דאָס איז אמת — האָט זיא געזאָגט אלץ מעהר און מעהר בלייך ווערענדיג און ארומנעהמענדיג זיין קאָפּ — אָבער נאָך אלעמען איז עפּעס שרעקליכעס פאראן אין אלעס וואָס איז פאָרגעקומען.

— דאָס אלעס וועט אריבער, אלעס וועט אריבער און מיר וועלען גליקליך זיין! אויב אונזער ליעבע וואָלט זיך געדארפט פערשטארקען, האָט זיא זיך פערשטארקט שוין דערמיט, וואָס אין איהר איז דאָ עפּעס שרעקליכעס — האָט ער געזאָגט — איך דערקען דיך ניט מיט דיא דאָזיגע קורץ געשוירענע האָאר. דוא ביסט אזוי שעהנער געוואָרען. א אינגעל. אָבער וויא בלייך דוא ביסט!

— יא, איך בין זעהר שוואך — האָט זיא געזאָגט מיט א שמייכעל און איהרע ליפּען האָבען ווידער אָנגעהויבען צו ציטערען.

— מיר וועלען פאָהרען קיין איטאליען; דוא וועסט דאָרט געזונד ווערען — האָט ער געזאָגט.

— קאָן דען זיין אז דאָס זאָל מעגליך זיין, אז מיר זאָלען לעבען וויא מאַן און פרוי, אליין, פאר זיך, א פאמיליען־לעבען מיט דיר פיהרען? — האָט זיא געזאָגט אריינקוקענדיג אין זיינע אויגען.

— איך האָב זיך בלויז אימער געוואונדערט וויא איז מעגליך דען אז עס זאָל אנדערש זיין.

— סטיווא זאָגט, אז ע ר שטימט צו צו אלעס, אָבער איך קאָן ניט אָננעהמען ז י י ן גרויסמוטהיגקייט — האָט זיא געזאָגט קוקענדיג פערטראַכט פערביי ווראָנסקיס פּנים — איך וויל ניט קיין גט, מיר איז איצט אלעס איינס. איך ווייס בלויז ניט, וואָס ער וועט בעשליסען וועגען סעריאָזשאַ'ן.

ווראָנסקי האָט בשום אופן ניט געקאָנט פערשטעהן וויא האָט איהר אין דער דאָזיגער מינוט פון זייער זעהען זיך געקאָנט ליגען אין זינען וועגען זוהן, וועגען גט. איז דען ניט אלעס איינס?

# אננא קארעני נא

— רייד ניט וועגען דעם, טראַכט ניט — האָט ער געזאָגט, קעהרענדיג איהר האַנד אין זיינע און זוכענדיג צו ציהען איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, אָבער זיא האָט נאָך אַלץ ניט געקוקט אויף איהם.

— אַך, פאַר וואָס בין איך ניט געשטאָרבען, עס וואָלט בעסער געווען — האָט זיא געזאָגט און טרעהרען האָבען געפלוסט איבער איהרעביידע באַקען, שטיל, אָהן שלוכצען. אָבער זיא האָט געזוכט צו שמייכלען אום ניט צו מאַכען איהם שמערצען.

לויט ווראָנסקים פריהערדיגע בעגריפע וואָלט ער גערעכענט פאַר אונמעגליך און פאַר אַ שאַנדע אָבצוזאָגען זיך פון אַזאַ פאַרשפּרעכענדע און אַזאַ געפעהרליכע שטעלע, וויא זיין אַמט אין טאַשקענט. אָבער איצט האָט ער זיך אַפילו אויף אַ מינוט ניט פערטראַכט און האָט זיך אָבגעזאָגט, און דערקענענהיג גאַנץ אויבען, אין דיא הויכע ספערען, אַז זיין האַנדלונג געפעלט דאָרט זעהר ניט, איז ער גלייך ארויסגעטראָטען פון מיליטער־דיענסט.

אין אַ מאָנאַט ארום איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געבליבען אַליין מיט זיין זוהן אין זיין הויז, און אננאַ מיט ווראָנסקין זיינען אַוועק געפאָהרען קיין אויסלאַנד, ניט ערהאַלטענדיג קיין גט, פון וועלכען זיי האָבען זיך עטשיעדען ענטזאַגט.

# צווייטער באנד

## פינפטער טהייל

פירכטין שטשערבאצקאיא האט איינגעפונען, אז פראווען דיא קינדערס חתונה פאר דיא פאסט־טעג, צו וועלכע עס איז נאך געווען פינף וואכען, איז אונמעגליך, ווארום האלב נדן וועט קוים זיין ערשט אנגעגרייט ביז דאן. אבער אין דערזעלבער צייט איז זיא אויך געווען איינפערשטאנען מיט לעווינען, אז אויב מען וועט אבלייגען ביז נאך דיא פאסט־טעג וועט זיין צו שפעט, ווארום דיא שטשערבאצקיס אן אלטע קרובה איז געווען זעהר קראנק און קאן נאך שטארבען ביז דאן, און דאן וועלען זיי מוזען אבהיטען טרויער און מען וועט ניט טארען פראווען קיין חתונה. עס איז געבליבען, אז מען זאל דעם נדן צוטהיילען אויף צוויי העלפט — א גרויסען חלק נדן און א קליינעם חלק נדן. דעם קלענערן חלק נדן האט מען שוין געהאט פארטיג און דיא פירסטין האט איינגעשטימט צו פראווען דיא חתונה בעפאר דיא פאסט־טעג. דאס איז אויסגעקומען בעקוועם נאך אויך דערפאר, וואס דיא יונגע פאאר וועט גלייך נאך דער חתונה פאהרען וואהנען צו לאנד, וואו אזעלכע זאכען וואס געהערען צום גרויסען חלק נדן וועלען גאר ניט נויטיג זיין.

לעווין איז נאך אלץ געווען אין יענעם וואהנזיניגען צושטאנד אין וועלכען איהם האט זיך געדוכט, אז ער און זיין גליק זיינען דער עיקר פון דאס גאנצע דאזיין און דארום האט ער קיין אנדער זאך איצט ניט וועגען וואס צו טראכטען און פאר וואס צו זארגען, ווארום אלעס ווערט שוין פאר איהם איצט אנדערש און וועט זיין אנדערש. ער האט אפילו ניט געהאט קיין פלענער און קיין צוועקען וויא ווייטער צו לעבען; ער האט גערעכענט, אז דאס וועלען שוין אנדערע בעשליכען און אלעס וועט זיכער זיין גוט. זיין ברודער, סערגיי איוואנאוויטש, סטעפאן ארקאדיעוויטש און דיא פירסטין האבען שוין איהם געזאגט אלעס וואס ער האט צו טאהן. ער איז נור געווען איינפערשטאנען מיט אלעס, וואס זיי האבען איהם פארגעשלאגען. דער ברודער האט פאר איהם געקריגען צו לייהען געלד, דיא פירסטין האט געראטהען, אז גלייך נאך דער חתונה זאלען זיי אבפאהרען פון

# אננא קארענינא

מאסקווע און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געראַטהען נאָך דער חתונה גלייך פאָהרען קיין אויסלאַנד.

לעווין איז מיט אַלעם געווען איינפערשטאַנען. „מאַכט וואָס איהר ווילט אויב אייך איז דערפון פרעהליכער. איך בין גליקליך און מיין גליק קאָן ניט ווערן ניט גרעסער און ניט קלענער. וואָס איהר זאָלט דאָרט ניט טאָהן" האָט ער גע־טראַכט. ווען ער האָט איבערגעגעבען קיטין סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשעס עצה — צו פאָהרען קיין אויסלאַנד, האָט ער זיך זעהר געוואונדערט, וואָס זיא האָט דערצו ניט איינגעשטימט; זיא האָט געהאַט וועגען זייער קינפטיגען לעבען איהרע איי־גענע בעשטימטע פאָדערונגען.

זיא האָט געוואוסט, אַז לעווין האָט צולאַנד אַזעלכע אַרבייט, וועלכע ער ליעבט. ער האָט געזעהען אַז זיא אַליין האָט ניט בלויז ניט פערשטאַנען דאָס וואָס עס באַשעפטיגט איהם, נור האָט ניט געזוכט צו פאַרשטעהן. אָבער דאָס האָט איהר ניט געשטערט צו רעכענען זיין באַשעפטיגונג אַלס זעהר וויכטיג דערפאַר, ווייל דאָס אינטערעסירט איהם. זיא האָט דאַרום ניט געוואָלט פאָהרען קיין אויסלאַנד, נור פאָהרען גלייך צו לאַנד, וואו עס איז זיין הויז און וואו ער האָט דאָס, וואָס איהם אינטערעסירט, וואָס איהם בעפריעדיגט. אַזוי וויא איהם אַליין איז געווען אַלץ איינס, האָט ער צוגעשטימט מיט איהר. ער האָט געבעטען סטעפאַן אַרקאַ־דיעוויטש אַריבערצופאָהרען אין זיין מאַיאָנטעק און איינאָרדנען אַלעס, וויא ער פאַרשטעהט אַז עס דאַרף איינגעאָרדענט זיין פערהייראַטהער לעבען און מיט זיין געשמאַק.

— אָבער הער — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איין מאָל אַ זאָג געטאָהן לעווינען, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין מאַיאָנטעק, וואו ער האָט איהם אַלעס איינגעאָרדענט — האָסט דוא אַ קירכען־שיין, אַז דוא האָסט געהיט דיא הייליגע פאַסט־טעג?

— ניין, וואָס איז?

— אָהן דעם טאָר מען קיין חתונה ניט פּראַווען.

— אי־אי־אי — האָט אויסגעשריען לעווין — שוין אַ יאָהר צוואַנציג דוכט זיך וויא איך האָב ניט געפּראַוועט דעם פלייש־תענית. איך האָב וועגען דעם גאָר ניט אַ טראַכט געטאָהן.

— אַ שעהנער מענש! — האָט אַ לאַך געטאָהן סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש— און מיך רופט ער נאָך ניהיליסט! אָבער דאָס קאָן דאָך אַזוי ניט געהן, דוא מוזט דאָך דאָס טאָהן.

— ווען־זשע זאָל איך איצט פּראַווען פלייש־תענית? עס זיינען דאָך מעהר ניט געבליעבען וויא פיער פאַסט־טעג?

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דאָס אויך בעזאָרגט. און לעווין האָט אָנ־געהויבען פאַסטען. פאַר לעווינען, אַלס אַ מענש וואָס גלויבט ניט, וועלכער רעס־פּעקטירט אָבער דעם צווייטענס גלויבען, איז געווען זעהר אַ שווערע זאַך דורכצו־מאַכען דיא קירכליכע מנהגים. בעזונדער נאָך איצט ווען ער איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, ווען זיינע געפיהלען זיינען געווען אַזוי שאַרף. אַזוי עמפפינדליך, איז דאָס פאַר איהם געווען אין גאַנצען אונמעגליך. ער וואָלט ניט געוועלט איצט,

# אננא קארעגינא

אין דעם בעסטען צושטאנד פון זיין גליק, ליגען זאָגען, מאסקירען זיך אָדער לעס־טערן. ער האָט געפיהלט, אז ער קאָן ניט טאָהן, ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע. אָבער סטעפּאַן ארקאדיעוויטש האָט ערקלעהרט, אז ער קאָן קיין קירכען־שיין בשום אופן ניט בעקומען, וואו ער זאָל ניט אָבהיטען דעם מנהג.

— און וואָס איז דאָס דיר אזוי שווער, אין גאנצען צוויי טעג? און דוא וועסט אין קירכע ביי גאָטעס־דיענסט גאָר ניט אזוי ליידען. ער איז א קלוגער אַל־טינקער, ער וועט דיר אויסרייסען דעם דאָזיגען צאָהן אזוי, אז דוא וועסט אפילו גאָר ניט מערקען.

שטעהענדיג צו גאָטעס־דינסט האָט לעווין געזוכט אבצופרישען אין זיך די יוגענדליכע ערינערונגען פון יענע רעליגיעזע געפיהלען, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט פון זעכצעהן ביז זיבעצעהן יאָהר. ער האָט זיך אָבער באלד איבער־צייגט, אז דאָס איז פאר איהם אין גאנצען אונמעגליך. ער האָט דאן געפּרובירט קוקען דערויף וויא אויף א פּוסטער צערעמאָניע וועלכע האָט קיין בעדייטונג ניט, וויא וויזיטען אָבשטאטען, ער האָט אָבער דערפיהלט, אז דאָס איז פאר איהם אויך אונמעגליך צו טאָהן. גלויבען האָט ער ניט געקאָנט און אין דערזעלבער צייט האָט ער ניט געקאָנט זיין זיכער אין דעם אז אלעס איז אן אונרעכט. און דארום האָט ער ניט געקאָנט ניט קוקען דערויף אלס אויף א פּוסטע פאָרמאַליטעט און ניט גלויבען אין דער רעליגיעזער בעדייטונג פון דעם מנהג; ער האָט געפיהלט די גאנצע צייט עפּעס אונבעקוועם און א שאנדע, וואָס ער טהוט א זאך, וועלכע ער פארשטעהט ניט און וואָס עס דוכט זיך איהם אלס פאלש און ניט גוט.

אין דער גאנצער צייט וואָס מען האָט געפּראַוועט די גאָטעס־דינסט האָט ער געהערט די תפילות אין האָט געזוכט ניט איינצוהערען זיך, נור איז געווען באשעפטיגט מיט זיינע אייגענע געדאנקען, בעאָבאכטונגען און ערינערונגען, וועלכע האָבען אזוי לעבעדיג געוואנדערט ביי איהם אין קאָפּ אין דער גאנצער צייט פון דער יום־טוב'דיגקייט וואָס איז אָנגעגאנגען אין קירכע.

ער איז איבערגעשטאנען די מיטאג־דינסט, די פארנאכט־דינסט און די אלנאכטיגע גאָטעס־דינסט, און אויף דעם צווייטען טאָג איז ער אויפגע־שטאנען פריהער פון געוועהנליך, ניט טרינקענדיג קיין טהעע און איז געקומען אכט א זייגער אין דער פריה אין קירכע אום צו הערען די אין־דער־פריהיגע תפילות און צו מתודה זיין זיך.

אין קירכע איז קיינער ניט געווען, אויסער א בעטלער א סאָלדאט, צוויי אלטע ווייבער און די שמשים.

א יונגער שמש־גלח האָט איהם בעגעגענט און אונטערגעהענדיג צום טי־שעל ביי דער וואנד האָט ער פאר איהם אָנגעהויבען לייענען די רעגעלען. אין דער צייט פון לעזען און בעזאָנדערנס ביי דער ווידערהאָלונג עטליכע מאָהל פון דיעזעלביגע ווערטער „האָספּאָדי פּאָמילוי“, האָט לעווין ניט געהערט און האָט געטראכט וועגען דאָס זייניגע. „וואונדערליך, וויא פיעל אויסדריקע עס זיינען אין איהר האנד“, האָט ער געטראכט דערמאָנענדיג זיך וויא ער איז נעכטען מיט איהר געזעסען לעבען ווינקעל־טישעל. רויידען האָבען זיי ניט געהאַט וועגען וואָס, וויא כמעט די גאנצע דאָזיגע צייט און זיא האָט ארויפגעלייגט די האנד אויפ'ן

טישעל און ווייִלעווייז געעפּענט און פערמאַכט דיא האַנד און געלאַכט קוקענדיג אויף דיא בעוועגונגען. ער האָט זיך דערמאָנט, וויא ער האָט דיא האַנד געקושט און וויא ער האָט זיך צוגעקוקט צו דיא שטריכען, וועלכע קומען זיך צונויף אויף דיא דאַלאָניעס פון איהר ראָזער האַנד.

„ווידער האָספּאָדי פּאמילוי“, האָט אַ טראַכט געטאָהן לעווין, צלם'ענדיג זיך, נייגענדיג זיך און קוקענדיג אויף דעם בייגזאַמען רוקען פון דעם דיאַקאָן— „זיא האָט דערנאָך גענומען מיין האַנד און האָט זיך צוגעקוקט צו דיא ליניען:— ביי דיר איז אַ פּרעכטיגע האַנד — האָט זיא געזאָגט“. און ער האָט אַ קוק געטאָהן אויף זיין האַנד און אויף דער קורצער האַנד פון דעם דיאַקאָן. „יא, איצט וועט זיך שוין דאָס באַלד ענדיגען — האָט ער געטראַכט — ניין, דוכט זיך, זיי הויבען ווידער אָן פון אָנהויב — האָט ער זיך צוגעהערט צו דיא תפילות — ניין, עס ענדיגט זיך טאַקע; אָט פאַלט ער שוין כורעים צו דער ערד. דאָס איז אַלע מאָל צום סוף.“

ערהאַלטען אויף אַן אונבעמערקטען אופן אַ דריי רובעל'דיגע אין האנד, האָט דער דיאקאָן געזאָגט, אז ער וועט פערשרייבען און קלאפּענדיג מיט זיינע נייע שטיוועל אַן דיא שטיינערנע דילען פון דער לעערער קירכע איז ער אוועק צום אלטאר. אין אַ מינוט אַרום האָט ער ארויסגעקוקט פון דאָרט און האָט מיט אַ וואונק צוגערופען לעווינען. דער געדאַנק, וועלכער איז געוועזן איינגע־שפּאַרט ביז איצט ביי לעווינען אין קאָפּ האָט זיך ווידער אָנגעהויבען צו ריהרען, אָבער ער האָט געזוכט אָבצוטרייבען איהם. „דאָס וועט דאָך שוין וויא עס איז רעכט ווערען“ האָט ער אַ טראכט געטאָהן און איז צוגעגאנגען צום עמוד. דער אַלטינקער גלח, מיט אַ שיטערען האַלב־גרויען בעורדעל, מיט מידע, גוטע אויגען, איז געשטאַנען און האָט געמישט דעם סידור. אַ נייג טאָהנדיג זיך לייכט פאַר לעווינען, האָט ער גלייך אָנגעהויבען לייענען דיא תפילות. ווען ער האָט זיי געענדיגט, האָט ער זיך פערנייגט ביז צו דער ערד און האָט זיך מיט'ן פּנים א ווענד געטאָהן צו לעווינען.

— דאָ שטעהט כריסטוס אונגעזעהען און נעהמט אָן אייער ווידוי — האָט ער געזאָגט אָנווייזענדיג אויף דעם בילד פון געקרייציגטען — גלויבט איהר אין אַלעם דאָס, וואָס אייך לערענט דיא הייליגע אפּאסטאָלישע קירכע? — האָט פאָרטגעזעצט דער גלח, אָבקעהרענדיג דיא אויגען פון לעווינס פּנים.

— איך צווייפעל אין אלעם — האָט געזאָגט לעווין מיט אַ שטימע, וועלכע איז פאַר איהם אַליין געוועזן אונאנגענעהם און איז אנשווי־גען געוואָרען.

דער גלח האָט געווארט עטליכע סעקונדען, צו וועט ער ניט זאָגען נאָך עפּעס און פערמאַכענדיג דיא אויגען האָט ער געזאָגט מיט גלח'ישער בעטאָנונג פון דיא ווערטער.

— ספיקות איז דיא אייגענשאַפט פון דעם מענשענס שוואכקייט, אָבער מיר דארפען תפילה טאָהן, אז דער בארעמהערציגער גאָט זאָל אונז שטאַרקען. וועלכע בעזונדערע חטאים האָט איהר? — האָט ער גלייך געזאָגט ניט אָבשטע־לענדיג זיך, וויא ער וואָלט זוכען ניט צו פערלירען קיין צייט.

— מיין הויפּט עבירה איז ספיקות. איך צווייפעל אין אַלעם און מערהס־

# אננא קארענינא

טענטהייל געפין איך זיך אין צושטאנד פון ספיקות.

—ספיקות איז דיא אייגענשאפט פון דער מענשליכער שוואכקייט —האט ווידערהאלט זיינע ווערטער דער גלח — אין וואס־זשע צווייפעלט איהר הויפט־זעכליך ?

— איך צווייפעל אין אלעס. איך צווייפעל אמאל זאגאר אויב עס איז פאראן גאט — האט ניט ווילענדיג געזאגט לעווין און האט זיך אליין דערשראקען פאר דער אונפאסיגקייט פון זיינע רייד. אבער זיינע ווערטער האבען, וויא עס האט געשיינט, אויף דעם גלח קיין איינדרוק ניט געמאכט.

— וועלכער ספק קאן דען זיין אין גאטס עקזיסטענץ ? — האט ער גע־זאגט שנעל מיט א קוים בעמערקבארען שמייכעל.

לעווין האט געשוויגען.

— וויא קאנט איהר צווייפלען אין דעם באשעפער, ווען איהר קוקט אויף זיין שעפפונג ? — האט פארטגעזעצט דער גלח מיט זיינע שנעלע געוועהנטע רייד — ווער האט אויסגעפוצט מיט ליכטער דעם הימעל־געוועלב ? — האט ער געזאגט קוקענדיג מיט פרעגענדע אויגען אויף לעווינען.

לעווין האט געפיהלט אז עס איז אונפאסיג אריינצוגעהן דא מיט דעם גלח אין פילאזאפישע וויכוחים און דארום האט ער געענטפערט בלויז קורץ, וואס איז שייך בלויז צו דער פראגע.

— איך ווייס ניט — האט ער געזאגט.

— איהר ווייסט ניט ? היינט וויא־זשע קאנט איהר צווייפלען אין דעם, אז דאס האט גאט בעשאפען אלעס ? — האט מיט א פרעהליכען טאן געזאגט דער גלח.

— איך פערשטעה גאר נישט — האט געזאגט לעווין רויט ווערענדיג און פיהלענדיג, אז זיינע ווערטער זיינען נאריש און אז אין דער דאזיגער לאגע קאנען זיי ניט זיין ניט נאריש.

— בעט גאט און טהוט תפלה. אפילו אונזערע הייליגע אבות פלעגען האבען צווייפעל און זיי האבען געבעטען גאט, ער זאל שטארקען אין זיי דיא אמונה. דער טייפעל האט פיעל גבורה און מיר טארען איהם זיך ניט אונטער־געבען. טהוט תפלה — האט ער געזאגט שנעל.

ער איז אנשוויגען געווארען וויא ער וואלט זיך פערטראכט וועגען עפעס.

— איהר, וויא איך האב געהערט, קלייבט זיך חתונה צו האבען מיט דער טאכטער פון א מיטגליעד פון מיין קירכע און א זוהן פון א גייסטליכען, פירסט שטשערבאצקי ?

— יא, — האט געענטפערט לעווין, שעהמענדיג זיך פאר דעם גלח, וואס ער שטעלט איהם אזא פראגע, וועלכע געהערט ניט צום וידוי.

און אזוי וויא ענטפערענדיג אויף זיין געדאנק האט דער גלח איהם געזאגט:

— איהר קלייבט זיך חתונה צו האבען, און גאט וועט אייך אפשר מזכה זיין מיט קינדער, ניט אזוי ? וואס־זשע פאר אן ערציהונג קאנט איהר געבען אייערע קינדער, אויב איהר וועט אין זיך ניט גובר זיין דעם טייפעל, וועלכער

שלעפט אייך אריין אין ניט גלויבען? — האָט ער געזאָגט מיט א מילדען פאָרוואורף. אויב איהר ליעבט אייערע קינדער דאַן מוזט איהר, אַלס א גוטער פאָטער, ווינשען פאר אייערע קינדער ניט בלויז עשירות, וויילטאָג און כבוד: איהר וועט דאָך פאר זיי ווינשען אויך רעטונג, אויפקלעהרען אייער קינד גייסטיג מיט דער ליכטיגקייט פון אמת. ניט אזוי? וואָס־זשע וועט איהר אייער אונשולדיגען עופה'לע ענטפערן, ווען ער וועט אייך א פרעג טאָהן: טאַטעלע, ווער האָט בעשאפען אלץ, פון וואָס איך ווער ענטציקט אין דער וועלט — דיא ערד, דיא זונן, דאָס וואסער, דיא בלומען, דיא גראָזען? וועט איהר איהם דען אויך ענטפערן: איך ווייס ניט? אָדער ווען אייער קינד וועט אייך א פרעג טאָהן: וואָס ערוואַרט מיך נאָכ'ן טויט? וואָס־זשע וועט איהר איהם ענטפערן, ווען איהר ווייסט ניט? וויא־זשע וועט איהר דאָס איהם ערקלערען?

לעווין האָט איצט גאָר נישט געענטפערט — ניט דערפאַר בלויז ווייל ער האָט ניט געוואָלט איצט אריין אין ויכוחים מיט דעם גלח, נאָר דערפאַר וואָס קיינער האָט איהם נאָך ביז איצט אזעלכע פראַגען ניט פארגעבען, און ווען זיינע קינדער וועלען איהם שטעלען דיא פראַגען, וואָס דער גלח האָט אויסגערעכענט, האָט ער נאָך ביז דאַמאָלס גענוג צייט וועגען דעם צו טראַכטען וואָס ער זאָל זיי ענטפערן.

— איהר טרעט אריין אין יענער צייט פון לעבען. ווען א מענש דאַרף אויסקלייבען א וועג און האַלטען זיך אויף איהם. בעט גאָט אז ער זאָל אין זיין בארעמהערציגקייט אייך העלפען און זאָל אייך מוחל זיין — האָט ער געשלאָסען זיינע רייד — גאָט דער האר און אונזער יעזוס קריסטוס וועט אייך מיט רחמים פארגעבען אלעס.

און דער גלח האָט געענדיגט מיט א תפלה, האָט געבענשט לעווינען און האָט איהם אָבגעלאָזען.

ווען לעווין האָט זיך דעם טאָג אומגעקעהרט אהיים האָט ער געפיהלט א שמחה, וואָס דיא אונבעקוועמע לאַגע האָט זיך געענדיגט אזוי, אז ער האָט זיך אויסגעקעהרט אָהן ליגען זאָגען. אויסער דעם איז נאָך געבליבען אן אונקלאָהרע עראינערונג וועגען דעם, אז דאָס וואָס דער גוטער, מילדער אַלמינקער האָט געזאָגט, איז גאָר ניט געוועזן אזוי שרעקליך נאַריש, וויא איהם האָט אויסגעוויזען פון אָנהויב און אז דאָ איז פאַראַן עפּעס אזעלכעס וואָס מען דאַרף זיך קלאָהר מאַכען.

„געוויס, ניט איצט — האָט געטראַכט לעווין — אָבער ווען ניט איז שפּעטער.“ און מעהר פון פריהער האָט ער געפיהלט, אז ביי איהם אין דער נשמה איז נאָך ניט אלעס קלאָהר און ניט אלעס ריין, און אז אין בעצוג צו רעליגיאָן געפינט ער זיך אויך אין דערזעלבער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך זיין פריינד סוויאזשסקי און פאר וועלכע ער פלעגט איהם מאַכען פאָרווירפע.

.2

אין דעם טאָג פון דער חתונה האָט לעווין, וויא דער מנהג איז, ניט געזעהען זיין כלה און האָט געגעסען מיטאָג ביי זיך אין האָטעל מיט דריי אַלטע בחורים, וועלכע האָבען זיך ביי איהם צופעליג פערזאמעלט: זיין ברודער, סערגיי איוואַנאָוויטש; זיינער אַ חבר פון אוניווערזיטעט, קאַטאַוואַסאָוו, וועלכער איז אַ פּראָפעסאָר פון נאַטור־וויסענשאַפט און וועלכען לעווין האָט בעגעגענט דעם טאָג אין גאַס, און טשיריקאָוו, אַ מאָסקווער מיראָוואָי סודיא, וועלכער איז געוועזען לעווין'ס אַ חבר אין געהן אויף בערען־געיעג. דער מיטאָג איז געוועזען זעהר אַ פרעהליכער. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געוועזען זעהר אויפגעלייגט און האָט געהאַט שפּאַס פון קאַטאַוואַסאָוו'ס אָריגינאַליטעט. קאַטאַוואַסאָוו האָט געפיהלט אַז זיין אָריגינאַליטעט ווערט אָבגעשעצט און פערשטאַנען און ער האָט מיט איהר אויסגעפיינט זיך. טשיריקאָוו האָט גוטמוטהיג אונטערשטיצט יעדען געשפּרעך.

— איהר דאַרפט וויסען — האָט גערעדט קאַטאַוואַסאָוו, לויט געוועהנהייט פון אַ פּראָפעסאָר אויסציהענדיג דיא ווערטער — וואָס פאַר אַ פעהיגער יונג אונזער קאָנסטאַנטין דמיטריטש איז געוועזען. איך זאָג געוועזען, ווייל איצט איז ער שוין ניטאָ. און וויסענשאַפטען האָט ער דאַן געליעבט; ווען ער איז אַרויס פון אוניווערזיטעט זיינען זיינע אינטערעסען געוועזען מענשליכע אינטערעסען. און איצט איז איין העלפט פון זיינע פעהיגקייטען אָנגעווענדעט אויף צו נאַרען זיך, און דיא אַנדער העלפט פון זיינע פעהיגקייטען ווענדעט ער אָן צו פאַרענטפערען דיא דאָזיגע זעלבסט־נאַרעריי.

— קיין ערגערען פיינד פון הייראַטה אַלס איהר האָב איך נאָך ניט בעגעגענט — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש.

— ניין, איך בין ניט קיין שונא פון חתונה האָבען. איך בין אַ פריינד פון ארבייטס־פּערטהיילונג. מענשען, וואָס קאָנען קיין אַנדער זאַך ניט מאַכען, דאַרפען מאַכען מענשען, און דיא איבריגע — דאַרפען ווירקען פאַר זייער אויפקלערונג און פאַר זייער גליק. אַזוי פאַרשטעה איך דאָס. עס זיינען פאַראַן געננוג בעלנים צו צומישען דיא דאָזיגע צוויי מלאכות; איך בעלאַנג אָבער ניט צו זיי.

— וויא גליקליך וועל איך זיין, ווען איך וועל זיך דערוויסען, אַז איהר האָט זיך פערליעבט! — האָט געזאָגט לעווין — איהר זאָלט נור אַזוי גוט זיין און רופען מיך צו אייער חתונה.

— איך בין שוין פערליעבט.

— אַ, אין אייער ווערק. דו ווייסט — האָט זיך לעווין אַ ווענד געטהאָן צום ברודער — מיכאַאיל סעמיאָנאָוויטש שרייבט דאָך אַ ווערק וועגען דעם, וויא צו נעהרען . . .

— נו, ניט צופּלאָנטערט! — האָט איהם איבערגעשלאָגען קאַטאַוואַסאָוו — עס איז אַלץ איינס וועגען וואָס איך שרייב. דער עיקר איז אַז איך בין אין

# אננא קארענינא

עפּעס פערליעבּט.

— אָבער דאָס וועט איך ניט שטערען צו ליעבען אייער פרוי.

— דאָס וועט שוין ניט שטערען, אָבער דיא פרוי וועט שטערען.

— פאר וואָס ?

— נו, וועט איהר זעהען. איהר ליעבט בעשעפטיגען זיך מיט ווירטהשאפט מיט געיעג; נו, וועט איהר זעהען וואָס עס וועט זיין !

— יא, דאָס איז אמת — האָט געזאָגט סערגיי איוואנאָוויטש — דו זעגען זיך איצט אָב מיט דיין בערען־געיעג: דאָס ווייב וועט ניט לאָזען !

לעווין האָט א שמייכעל געטהאָן. דיא פאָרשטעלונג אז זיין ווייב וועט איהם ניט לאָזען, איז איהם געווען אזוי אנגענעהם אז ער איז געווען פערטיג אויף אימער אָבזאָגען זיך פון דעם פערגעניגען צו זעהען בערען.

—ניט אומזיסט איז איינגעפיהרט געוואָרען דער מנהג אָבצוזעגנען זיך מיט דעם בחור׳שען לעבען — האָט געזאָגט סערגיי איוואנאָוויטש — וויא גליק־ליך דו זאָלסט ניט זיין איז פון דעסטוועגען אן עבירה צו פערליערען די פרייהייט.

— זאָגט דעם אמת, לעווין, געפינט זיך ביי אייך דאָס געפיהל, וויא ביי יענעם חתן, וויא גאָגאָל שילדערט, וועלכען עס האָט זיך געוואָלט פון פענ־סטער ארויסשפּרינגען ?

— מסתמא איז פאראַן ביי איהם אויך אזא געפיהל, נור ער זאָגט ניט אוים ! — האָט געזאָגט קאטאוואסאוו און האָט זיך הויך צולאכט.

— אָן וואָס זשע איז דיא מניעה, דער פענסטער איז אָפען... לאָמיר אָקאָרשט א פּאָר טהאָן קיין טווער אויף בערען־געיעג — האָט געזאָגט שמייכלענ־דיג טשיריקאָוו ווירקליך לאָמיר פאָהרען מיט דעם פינף־א־זייגער׳דיגען צוג ! און דאָ לאָזען זיי טהאָן וויא זיי ווילען . . .

— נו, איך שווער אייך, אז איך קאָן ביי זיך אין הארצען ניט געפינען קיין אזא געפיהל, וואָס מיך זאָל פארדריסען פאר מיין פרייהייט !

— יא, ביי אייך אין דער נשמה איז אזא צומישענים איצט, אז איהר וועט דאָרט קיין זאך ניט געפינען — האָט געזאָגט קאטאוואסאוו — וואָרט, איהר וועט זיך אביסעל צונעהמען, וועט איהר שוין געפינען !

— ניין, אלץ וואָלט איך דאָך פיהלען לכל הפחות עפּעס פון דעם דאָ־זיגען געפיהל; איך וואָלט דאָך פיהלען וויפיעל ניט איז אז אויסער מיין געפיהל (ער האָט געוואָלט זאָגען ל י ע ב ע) און מיין גליק, איז מיר דאָך א פערדרוס צו פערלירען דיא פרייהייט... פארקעהרט, איך פיהל, אז איך בין גערען וואָס איך פערליער דיא דאָזיגע פרייהייט.

— שלעכט! שוין אפילו קיין האָפנונג ניטאָ אויף אייך — האָט געזאָגט קאטאוואסאוו — נו, לאָמיר אויסטרינקען און ווינשען, אז ער זאָל זיך אויסהייּ־לען, אָדער לאָמיר איהם ווינשען, אז עס זאָל פערווירקליכט ווערען וויינינגסטענס איין הונדערטעל פון זיינע טרוימען. און דאָס וועט שוין אויך זיין אזא גליק, וועלכער איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען.

באלד נאָך׳ן מיטאג זיינען זיך דיא געסט צופאָהרען אום צו האָבען צייט איבערצוטהאָן זיך צו דער חתונה. ווען לעווין איז פערבליבען אליין און האָט

געדיינקט וועגען דיא געשפּרעכען פון דיא אונפערהייראטהע, האָט ער נאָך אמאָל זיך א פרעג געטהאָן: איז פאַראַן אין זיין נשמה דאָס געפיהל פון פערדרוס פאר וואָס ער פערליערט דיא פרייהייט, וועגען וואָס זיי האָבען גערעדט? ער האָט א שמייכעל געטהאָן ביי דער פראגע. „פרייהייט? צוליעב וואָס דארף מען פרייהייט? דאָס גליק בעשטעהט אין ליעבען און ווינשען, וויא זיא ווינשט, טראכטען מיט איהרע געדאנקען, ד. ה., קיין פרייהייט — דאָס הייסט גליק!“

„אָבער וויים איך דען איהרע געדאַנקען, איהר ווינשען, איהרע געפיהלען?“ האָט איהם פלוצלינג א שעפּצע געטהאָן עפּעס א שטימע. דער שמייכעל איז פערשוואונדען פון זיין פנים און ער האָט זיך פערטראכט. און פלוצלינג איז אויף איהם אַרויף א זאָנדערבאַרער געפיהל. אויף איהם איז אַרויף דאָס געפיהל פון שרעק און צווייפעל — צווייפעל אין אַלעם.

„און וויא איז אַז זיא ליעבט מיך ניט? אויב זיא הייראטה מיט מיר בלויז צוליעב דעם אום חתונה צו האָבען? און וויא איז, אַז זיא וויים אפשר אליין ניט וואָס זיא טהוט? — האָט ער זיך געפרעגט — זיא קאָן אפשר דערנאָך בעדיינקען און ערשט דאמאלס ווען זיא האָט שוין געהייראטה דערזעהען, אַז זיא ליעבט מיך גאָר ניט און האָט מיך קיין מאָהל ניט געקאָנט ליעבען“. און זאָנדערבאַרע געדאַנקען, דיא ערגסטע געדאַנקען וועגען איהר זיינען איהם אַרויפגעקומען אויפן זינען. ער האָט דערפיהלט אייפערזוכט געגען ווראָנסקין, וויא ער האָט דאָס געפיהלט מיט אַ יאָהר צוריק, וויא דער אבענד אין וועלכען ער האָט געזעהען זיא מיט ווראָנסקין וואָלט געוועזען נעכטען. ער האָט חושד געוועזן, אַז זיא האָט איהם ניט אַלעם דערצעהלט.

ער איז אויפגעשפּרונגען האַסטיג. „ניין, אַזוי טאָר דאָס ניט זיין! — האָט ער זיך געזאָגט מיט פערצווייפלונג — איך וועל געהן צו איהר, איך וועל איהר פרעגען, וועל זאָגען צום לעצטען מאָהל: מיר זיינען פריי, און צו וואָלט אפשר ניט געוועזען בעסער נאָך איצט אָבהאַלטען? אַלץ איז דאָך דאָס בעסער איידער אייביגער אונגליק, שאַנדע, אונטרייהייט!“ און מיט פערצווייפלונג אין הארצען, מיט ערביטערונג געגען אַלע מענשען, געגען זיך אַליין, געגען איהר, איז ער אַרויס פון האָטעל און איז געפאָהרען צו איהר.

ער האָט זיא געטראָפען אין דיא הינטערשטע צימערען. זיא איז געזעסען אויפן קאַסטען און האָט עפּעס געהייסען איהר דיענסט־מיידעל וואָס טהאָן צונעהמענדיג גאַנצע מאַסען קליידער פון פערשיעדענע פאַרבען, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף דיא ווענדלעך פון שטוהלען און געלעגען אויף דיא דילען.

— אַך! — האָט זיא אויסגעשריען דערזעהענדיג איהם און אַ שיין מאָהנ׳דיג מיט פרייד — וויא פיהלסט דוא, וויא פיהלט איהר? (ביז דעם דאָזיגען לעצטען טאָג האָט זיא איהם געזאָגט אמאָל „דוא“, אמאָל „איהר“) דאָס האָב איך ניט ערוואַרטעט! און איך צונעהם מיינע מיידעלשע קליידער, וועמען וועלכע...

— אַ! דאָס איז זעהר גוט! — האָט ער געזאָגט, טרויעריג קוקענדיג אויף איהר דיענסט־מיידעל.

— געה, דוניאשא, איך וועל דיך דערנאָך א רוף טהאָן — האָט געזאָגט קיטי — וואָס איז מיט דיר? — האָט זיא איהם א פרעג געטהאָן שוין ענטשלאָ־

כען זאָגענדיג איהם „דוא“, וויא נור דאָס מיידעל איז אוועק. זיא האָט באַמערקט זיין זאַנדערבארען פּנים, צוטראָגען און טרויעריג, און זיא האָט זיך דערשראָקען.

— קיטי, איך בין געפּייניגט. איך קאָן אליין ניט זיין געפּייניגט — האָט ער געזאָגט מיט פערצווייפלונג אין שטימע און קוקענדיג מיט געבעט איהר אין דיא אויגען. ער האָט שוין געזעהען פון איהר ליעבע־פולען פּנים, אז עס וועט גאָרנישט ארויסקומען פון דעם, וואָס ער האָט זיך געקליבען איהר צו זאָגען, אָבער ער דאַרף פון דעסטוועגען, אז זיא זאָל אליין פון זיך איהם פערזיכערען — איך בין געקומען צופאָהרען זאָגען, אז עס איז נאָך פאַראַן צייט, אז מען קאָן נאָך דאָס אלעס פערגיכטען און פערריכטען.

— וואָס? איך הויב ניט אָן צו פאַרשטעהען. וואָס איז מיט דיר?

— דאָס, וואָס איך האָב שוין טויזענד מאָהל געזאָגט און וואָס איך בין ניט אימשטאַנד ניט צו טראַכטען... דאָס, וואָס איך בין דיך ניט ווערטה. דוא האָסט ניט געקאָנט איינשטימען מיט מיר צו הייראַטהען. בעטראַכט. דוא האָסט א טעות געהאַט. דוא בעדיינק זיך גוט. דוא קאָנסט מיך ניט ליעבען... אויב... דוא זאָג בעסער — האָט ער גערעדט ניט קוקענדיג אויף איהר — איך וועל זיין אונגליקליך. זאָלען זיך אלע ריידען וואָס זיי ווילען; דאָס וואָלט דאָך אלץ געווען בעסער איידער אונגליקליך זיין... אלץ איז דאָך בעסער איצט, וויא לאַנג עס איז נאָך פאַראַן צייט . . .

— איך פערשטעה ניט — האָט זיא געזאָגט א צושראָקע׳ע — דאָס הייסט, אז דוא ווילסט זיך ענטזאַגען... אז מען דאַרף ניט?

— יאָ, אויב דוא ליעבסט מיך ניט.

— דוא ביזט פון זינען אראָב! — האָט זיא א געשריי געטהאָן רויט ווערענדיג פון קריינקונג. אָבער זיין פּנים איז געווען אזוי רחמנות׳דיג, אז זיא האָט פאַרשטיקט איהר פערדרוס און, אראָבוואַרפענדיג דיא קליידער פון שטוהל, האָט זיא זיך צוגערוקט נעהנטער צו איהם — וואָס מיינסט דוא? זאָג מיר אלעס.

— איך מיין, אז דוא קאָנסט מיך ניט ליעבען. פאַר וואָס קאָנסט דוא מיך דען ליעבען?

— מיין גאָט, וואָס זשע קאָן איך? . . . — האָט זיא א זאָג געטהאָן און האָט זיך צוּוויינט.

— אך, וואָס האָב איך געטהאָן! — האָט ער א געשריי געטהאָן און שטעלענדיג זיך פאַר איהר אויף דיא קניע, האָט ער אָנגעהויבען צו קושען איהרע הענד.

ווען אין פינף מינוטען אַרום איז דיא אלטע פירסטין אריין אין צימער, האָט זיא שוין זיי געפונען פריעדען־געשלאָסענע. קיטי האָט ניט נור פערזיכערט איהם, אז זיא ליעבט איהם, נור האָט אפילו איהם ערקלעהרט פאַר וואָס זיא ליעבט איהם, ענטפערענדיג אויף זיין פראַגע. זיא האָט איהם געזאָגט, אז זיא ליעבט איהם דערפאַר וואָס זיא פאַרשטעהט איהם און וויים וואָס ער דאַרף ליעבען, און אז אלעס וואָס איהם געפעלט, וואָס ער ליעבט, געפינט זיא פאַר גוט. און דאָס האָט איהם אויסגעוויזען פאָלשטענדיג קלאָהר.

ווען דיא פירסטין איז אריין זיינען זיי ביידע געזעסען אויפ׳ן קאַסטען,

צונעהמענדיג דיא קליידער און שפּארענדיג זיך וועגען דעם, צו זאָל דיא ברוינע קלייד, וועלכע קיטי האָט געוואָלט אוועקשיינקען דוניאשען און וועלכע זיא האָט געטראָגען ווען לעווין האָט איהר פאָרגעשלאָגען זיין האנד, איבערגעלאָזען ווערען אָדער אוועקשיינקען זיא. לעווין האָט גע'טענה'ט, אז זיא זאָל דוניאשען שיינקען דיא בלויע קלייד און דיא דאָזיגע ברוינע זאָל זיא איבערלאָזען אלס אַן אנדיינקונג.

— אָבער וויא פארשטעהסט דוא ניט, אז זיא איז דאָך אַ ברונעטין און איהר וועט ניט קליידען . . . ביי מיר איז דאָך דאָס אַלעס אויסגערעכענט...

דערוויסענדיג זיך וועגען וואָס ער איז געקומען איז דיא פירסטין האלב ערנסט און האלב אין שפּאַס אין כעס געוואָרען און האָט איהם געשיקט צו זיך אין האָטעל איבערטהאָן זיך און ניט שטערען קיטי'ן, וועלכע דאַרף זיך פערקאמען און איבערטאָהן.

— זיא עסט אזוי אויך ניט גאנצע טעג און ווערט מיאוס און דוא קומסט נאָך מיט דיינע נארישקייטען און מאכסט איהר אָן פערדרוס — האָט דיא פירסטין גע'טענה'ט — געה, געה, טראָג זיך, מיין טהייערער.

לעווין האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אין האָטעל פיהלענדיג זיך שולדיג און פערשעהמט. אויף איהם האָבען שוין געוואַרט דאָרט צערעמאָניעל געקליידעט זיין ברודער, דאריא אלעקסאנדראָוונא און סטעפּאַן ארקאדיעוויטש. לאנגוויילען איז ניט געווען ווען. דאריא אלעקסאנדראָוונא האָט נאָך געדאַרפט פערפאָרהען אהיים, מיטצונעהמען איהר אויסגעפּוצטען זוהן, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער פּאַזש פאַר דער כלה. דערנאָך האָט מען געדאַרפט שיקען אַ קארעטע נאָכ'ן שאפער, און אַן אנדער קארעטע וועלכע זאָל אָפּפיהרען סערגיי איוואנאָוויטשען... עס זיינען געווען נאָך פיעל זאכען וואָס צו טאָהן. קורי'ז, מען האָט זיך געדאַרפט איילען, ווארום עס איז שוין האלב־זיבען.

ווען עס איז געקומען צו דער צערעמאָניע פון בענשען דעם חתן מיט'ן הייליגען בילד איז דיא סצענע געווען אַ קאָמישע. סטעפּאן ארקאדיעוויטש האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ געהויבענער פּאזע, און אויף זעהר אַ קאָמישען אופן, אין איין רייהע מיט זיין פרוי, האָט גענומען דאָס הייליגע בילד, האָט געהייסען לעווינען בויגען זיך ביז צו דער ערד, האָט איהם געבענשט מיט אַ שפּאַסהאַפטען שמייכעל און האָט איהם דריי מאָל אַ קוש געטאָהן; דאָס זעלביגע האָט אויך געטאָהן דאריא אלעקסאנדראָוונא און זיא האָט זיך גלייך געאיילט צו פאָהרען און האָט זיך פערפּלאָנטערט אין דיא פּלענער וועגען דיא עקיפּאַזשען.

— וועלען מיר טאָהן אזוי: דוא וועסט אין אונזער קארעטע פאָהרען נאָך איהם, און ווען סערגיי איוואנאָוויטש וואָלט נאָך געווען גאָר אַ גוטער וואָלט ער צוגעפאָהרען און דערנאָך צוריקשיקען דיא קארעטע.

— זעהר גוט, איך וועל דאָס טאָהן זעהר גערן, — האָט געענטפערט דער ברודער.

— און מיר וועלען שוין נעהמען גלייך און פאָהרען מיט איהם צוזאמען. האָט מען דיא זאכען שוין אָבגעשיקט — האָט אויסגעהאָלפען איהם סטעפּאן ארקאדיעוויטש.

— אָבגעשיקט — האָט געענטפערט לעווין און האָט געהייסען זיין דינער העלפען איהם אָנצוקליידען זיך.

## 3

א מאַסע מענשען האָט זיך אָנגעקליבען ארום קירכע, וועלכע איז געווען בעלויכטען פאר דער חתונה, בעזאָנדערנס האָבען זיך אָנגעקליבען א מאַסע פרויען. דיא, וועלכע האָבען ניט בעוויזען אריינשטופען זיך אין מיטען, האָבען זיך גע־שטויסען ארום דיא פענסטער, האָבען זיך געהאַמפּערט און געזוכט אריינצוקוקען צווישען דיא גראַטעס. מעהר פון צוואַנציג קארעטען זיינען געווען צושמעלט פון דער פּאָליציי אין דער לענג פון גאַס. א פּאָליציייסקער אָפיציער איז גע־שטאַנען ביים אריינגאַנג, ניט קוקענדיג אויף׳ן פראָסט, און האָט געשיינט אין זיין מונדיר.

אָהן אויפהער זיינען צוגעפאָהרען עקיפּאַזשען נאָך עקיפּאַזשען, און דאַמען מיט בלומען און מיט אונטערגעהאַלטענע שלעפּעס און הערען, אראָבגעהמענדיג זייערע מיליטערישע קעפּעס אָדער שווארצע צילינדערס, האָבען געהאַלטען אין איין אריינקומען אין קירכע. אין קירכע אַליין זיינען שוין געווען אָנגעצונדען ביידע לוסטרעס און אַלע ליכט לעבען דיא הייליגע בילדער. דער גאָלדיגער שיין אויף דעם רויטען גרונד פון איקאָנאָסטאַס, דיא געגילטע שניצונג פון דיא היי־ליגע בילדער און דאָס זילבער פון דיא וויַיהרוך־כלים און לייכטער און דיא דילען און דיא קליינע טעפּיכע און דיא פאַהנען און דיא טרעפּלעך פון ארון־קודש און דיא אַלטע, שווארץ־געוואָרענע ביכער — אַלעס איז געווען בעגאָסען מיט ליכ־טיגקייט.

אויף דער רעכטער זייט פון דער וואַרעמער קירכע, אין דער מאַסע פון פראַקען און ווייסע האַלזטיכער, מונדירען, און שטאַפּען, זאַמעט, אַטלאַס, פּרו־זירטע האָאר, בלומען, נאַקעטע שולטערן און הענד און לאַנגע האַנדשוה, איז אָנגעגאַנגען אַן איינגעהאַלטענער און לעבהאַפטער געשפּרעך, וועלכער האָט זאָנ־דערבאַר אָבגעהילכט אין דעם הויכען קופאָל. יעדען מאָהל ווען עס פלעגט זיך דער־הערען דער קוויטש פון דער געעפענטער טהיר, איז דאָס געשפּרעך מיט אמאָל שטיל געוואָרען און אַלע האָבען זיך אומגעקוקט, ערוואַרטענדיג צו זעהען דיא אריינקומענדע חתן און כלה. אָבער דיא טהיר האָט זיך שוין געעפענט מעהר פון צעהן מאָהל, און יעדען מאָל איז דאָס געווען אָדער א פערשפּעטיגטער גאַסט, אָדער א פרעמדער נייעגיריגער צושויער, וואָס האָט אָבגענאַרט אָדער איינגעבע־טען זיך ביים פּאָליציייסקען אָפיציר און האָט זיך דורכגעשטופּט צווישען דער מאַסע געסט. דיא אייגענע און דיא פרעמדע זיינען שוין דורכגעגאַנגען אַלע שטופען פון וואַרטען.

פריהער האָט מען גערעכענט, אז חתן־כלה וועלען גלייך קומען און מען

האָט קיין בעדייטונג ניט צוגעגעבען צו זייער פאַרשפּעטיגען זיך. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען אַלץ אָפטער צו קוקען אויף דער טהיר און פרעגען זיך צו האָט עפּעס ניט פּאַסירט. דערנאָך איז שוין אַלעמען אונבעקוועם געוואָרען דאָס וואַרטען און דיא מחותנים און דיא געסט האָבען געזוכט צו מאַכען אַ פּנים וויא קיין זאַך וואָלט ניט געשעהען. דער גלח האָט יעדע ווײַלע ארויסגעשיקט דעם אונטערשמש און אַמאָל דעם שמש אַ קוק צו טאָהן און ערקונדיגען זיך, צו קומט שוין ניט דער חתן און ער אליין, אין זיין לילענעם מאַנטעל און אויסגעהעפטען גורט, האָט אַלץ אָפטער ארייִנגעקוקט אין דער זייטען־טהיר, צו קומט שוין ניט ענדליך דער חתן.

ענדליך האָט איינע פון דיא דאַמען אַ קוק געטאָהן אויפ'ן זייגער און האָט אַ זאָג געטאָהן: „דאָס איז אייגענטליך זאָנדערבאַר". און אַלע געסט זיינען אונרוהיג געוואָרען און האָבען שוין אָנגעהויבען אין דער הויך אויסצודריקען זייער פערוואונדערונג און זייער אונצופריעדענהייט. איינער פון דיא שאַפערס איז אוועקגעפאָהרען ערקונדיגען זיך וואָס עס האָט געקאָנט פּאַסירען. קיטי איז אין דער דאָזיגער צייט געווען שוין לאַנג אין גאַנצען אָן אָנגעצויגענע אין איהרע ווייסע חופּה־קליידער, מיט דעם לאַנגען שלייער און אראנזשען־קראַנץ און זיא איז געשטאַנען פאַרטיג מיט איהרע אונטערפיהרערינס און מיט איהר שוועסטער לוואָווא אין זאַל פון שטשערבאַצקים הויז; זיא האָט אומזיסט געוואָרט און האָט געקוקט איצט אין פענסטער, טאָמער וועט קומען אָן ענטפער וועגען חתן'ס אָנקומען אין קירכע, זיא זאָל קאָנען ארויספאָהרען און קומען אין דערזעלבער צייט.

אין דער צייט ווען דיא דאָזיגע אונגעדולדיגע וואַרטענעס איז אָנגעגאַנגען איז לעווין ארומגעלאָפען אין הויזען, אָבער אָהן אַ וועסט און אָהן פראַק, הין און צוריק איבערן צימער, יעדע ווײַלע ארויסרוקענדיג זיין קאָפּ אין טהיר מיט אונגעדולד. אָבער אין קארידאָר האָט זיך ניט געזעהען אויף וועמען ער וואַרט און ער איז יעדען מאָהל אַ פערצווייפעלטער צוגעלאָפען צו סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש, וועלכער איז געזעסען רוהיג און האָט גערויכערט, אַ פּאַטש טאָהנ'דיג מיט דיא הענד.

— האָט דען ווען ניט איז געטראָפען זיך אַ מענשען צו זיין אין אַזאַ שרעקליך דומער לאַגע! — האָט ער גערעדט.

— יא, דום — האָט צוגעשטימט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש — אָבער בערוהיג זיך דאָך, מען וועט באַלד ברייִנגען.

— ניין, דאָס איז דאָך שרעקליך! — האָט זיך געצאַפּעלט אַן אויפגעבראַכטער לעווין — און אַלץ איבער דיא דאָזיגע אויסגעבלייזטע וועסטען! דאָס איז דאָך אונמעגליך! — האָט ער געשריען מיט פערצווייפלונג קוקענדיג אויף זיין צוקנייטשטע העמד — און וואָס אויב מען האָט דיא זאַכען שוין אוועקגעשיקט אויפ'ן אייזענבאַהן?

— נו, דאַן וועסט דוא מוזען אָנטאָהן מיינע.

— דוא האָסט שוין לאַנג אַזוי געדאַרפט.

— עס איז ניט גוט צו זיין לעכערליך... וואַרט, עס וועט זיך א י י נ א ר ד נ ע ן.

דיא געשיכטע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס וויא לעווין האָט געפאָדערט

פון קוזמאַן, ער זאָל איהם געבען זיינע חתונה־קליידער אָנצוטאָהן זיך, האָט דער אַלטער קוזמא געבראַכט דעם פראַק, דיא וועסט, און אַלעס נויטיגעס.

— און א העמד! — האָט א געשריי געטאָהן לעווין.

— דיא העמד איז דאָך אויף אייך — האָט מיט א רוהיגען שמייכעל גע־ענטפערט קוזמא.

קוזמא האָט ניט פערשטאַנען אז ער וועט דאַרפען האָבען א העמד אויף און אַלע העמדער האָט ער איינגעפּאַקט נאָך נעכטען מיט דיא זאַכען און אָבגע־שיקט דיא קאַסטענס צו דיא שטשערבאַצקים, פון וואַנען זיי וועלען מיט דיא איבעריגע געפּעק אָבגעשיקט ווערן אויפ'ן אייזענבאַהן, ווייל באַלד נאָך דער חופּה, וועלען דיא יונגע אָבפאָהרען צו איהם אין מאַיאַנטעק. דיא העמד, וואָס לעווין האָט ערשט אין־דער־פריה אָנגעטאָהן האָט ניט געטויגט, ווארום זיא איז געוואָרען צוקנייטשט און דיא צוקנייטשונג וואָלט זיך אַרייסזעהען פון דער ווייט־צופענטער וועסט. מען האָט געשיקט קויפען א העמד. דער לאַקיי האָט זיך אומ־געקעהרט: זונטאָג, אַלעס געשלאָסען. געשיקט צו סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש נאָך א העמד, איז זיא אָבער געווען ברייט און קורץ. ענדליך האָט מען געמוזט שיקען צו דיא שטשערבאַצקים אויסצופּאַקען דיא זאַכען. מען וואַרט אין קירכע אויפ'ן חתן, און ער, וויא אַן איינגעשפּאַרטע חיה אין א שטייג, לויפט אַרום איבער'ן צימער, קוקט יעדע ווייַלע אַרויס אין טהיר און ער דערמאָנט זיך מיט פערצווייפ־לונג, וואָס ער האָט אין־דער־פריה גערעדט צו קיטין און וואָס זיא קאָן איצט דיינקען וועגען דעם.

ענדליך איז דער שולדיגער קוזמא אָהן אטהעם אַריינגעפלויגען אין צימער מיט א העמד.

— נור־וואָס פערכאַפּט, מען האָט שוין דיא קאַסטענס אַרויפגעלייגט אויפ'ן וואָגען אָבצופיהרען צום וואָקזאַל — האָט געזאָגט קוזמא.

אין דריי מינוט אַרום, ניט קוקענדיג אויפ'ן זייגער, איז לעווין שוין גע־לאָפען אין קאָרידאָר.

— מיט דער לויפענעס וועסט דוא שוין העלפען — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש מיט א שמייכעל — עס וועט זיך א י י נ אָ ר ד נ ע ן, עס וועט זיך א י י נ אָ ר ד נ ע ן.... זאָג איך דיר.

## 4.

— געקומען! — אָן איז ער! — וועלכער? — דער יונגערער? — און זיא, מאַמעלעך, נעביכקע, ניט קיין טויטע ניט קיין לעבעדיגע! — האָט מען אָנ־געהויבען ריידען אין דער מאַסע, ווען לעווין האָט זיך געטראָפען ביים צופאָהר מיט דער כלה און איז מיט איהר צוזאַמען אַריין אין קירכע. לעווין האָט קיין זאַך ניט געמערקט; ניט אַראָבלאָזענדיג דיא אויגען, האָט ער ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף דער כלה.

# אַננאַ קאַרענינאַ

אַלע האָבען גערעדט, אַז זיא זעהט שלעכט אויס פאַר דיא לעצטע עטליכע טעג און זיא איז איצט צו דער חופּה ניט אַזוי שעהן, וויא זיא איז געוועהנליך געוועזן; אָבער לעווינען האָט דאָס ניט אַזוי אויסגעזעהען. ער האָט געקוקט אויף איהר הויכער פריזור און אויף דעם לאַנגען ווייסען שלייער מיט ווייסע קווייטען, אויף דעם הויכען שפּיצען־קראַגען, וועלכער האָט פון דיא זייטען פערדעקט איהר האַלז און פון פאָרענט צועפענט; אויף איהר וואונדערליך דינער טאַליע, און איהם האָט זיך גדוכט, אַז זיא איז נאָך קיין מאָל אַזוי שעהן ניט געוועזן. און ניט דערפאַר, ווייל דיא דאָזיגע בלומען, דער שלייער, דיא אויסגעשריבענע קליידער פון פּאַריז זאָלען עפּעס צוגעבען מעהר צו איהר שעהנהייט, נור דערפאַר וואָס ניט קוקענדיג אויף דער דאָזיגער אויספּוצונג האָבען איהר ליעבליכער פּנים, איהר בליק און איהרע ליפּען אויכגעדריקט נאָך מעהר איהר אונשולדיגע וואהרהייטליכקייט.

— איך האָב שוין געמיינט, אַז דוא ווילסט אַנטלויפען — האָט זיא געזאָגט און האָט צו איהם אַ שמייכעל געטאָהן.

— עס איז אַזוי דום וואָס מיט מיר האָט געטראָפען, אַז איך שעהם זיך פשוט צו זאָגען! — האָט ער געענטפערט רויט ווערענדיג און ער האָט זיך געמוזט ווענדען צו סערגיי איוואַנאָוויטשען, וועלכער איז אונטערגעקומען.

— אַ שעהנע געשיכטע מיט דיין העמד! — האָט אַ זאָג געטאָהן סערגיי איוואַנאָוויטש, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און שמייכלענדיג.

— יאָ, יאָ, — האָט געענטפערט לעווין, ניט פאַרשטעהענדיג וועגען וואָס מען רעדט צו איהם.

— נו, קאָכטיאַ, איצט דאַרף מען בעשליסען — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש מיט אַ פאַרשטעלטקייט וויא ער וואָלט געוועזן צושראָקען — אַ וויכטיגע פראַגע. דוא אַליין ביסט אַקוראַט איצט אים שטאַנד אָבצושעצען דיא גאַנצע וויכטיגקייט פון דער פראַגע. און דיא פראַגע בעשטעהט דעריין: צו זאָל מען געברויכען שוין איין מאָל געניצטע ליכט אָדער מען זאָל אָנצינדען נייע. דער אונטערשיעד איז, וואָס נייע וועלען קאָסטען צעהן רובעל און פאַר געברענטע וועט מען מעהר ניט רעכענען וויא זיבען.

לעווין האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז געוועזן אַ וויץ, אָבער שמייכלען האָט ער ניט געקאָנט.

— איז וויא זשע זאָל זיין: אָנגעצונדענע אָדער נייע?

— יאָ, יאָ, נייע!

וויא מענשען זעהען אויס אין דעם דאָזיגען צושטאַנד — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש מיט אַ שמייכעל געזאָגט צו טשיריקאָווען, ווען לעווין האָט אויף איהם אַ צוטראָגענער אַ קוק געטאָהן און האָט זיך צוגערוקט צו דער כלה.

— זעה, קיטי, דוא זאָלסט דיא ערשטע שטעלען זיך אויפ'ן טעפּיך — האָט געזאָגט גרעפין נאָרדסטאָן אונטערקומענדיג צו קיטי — זעהר שעהן פון אייך! — האָט זיא זיך אויך אַ ווענד געטאָהן צו לעווינען.

— פיהלסט דוא זיך צושראָקען? — האָט געזאָגט מאַריאַ דמיטריעוונאַ, דיא אַלטע טאַנטע.

# אננא קארענינא

— איז דיר קאלט ? דוא ביסט בלייך. וואַרט, בויג זיך אָן ! — האָט צו קיטי'ן געזאָגט איהר שוועסטער, לוואָוואַ, און אויסרונדענדיג איהרע פוללע שעהנע הענד האָט זיא פאררי‌כט דיא בלומען אויף איהר קאָפּ.

דאָללי איז צוגעגאנגען, האָט געוועלט וואָס זאָגען, אָבער זיא האָט ניט געקאָנט. זיא האָט זיך בלויז צואוויינט און דערנאָך אוננאַטירליך צולאַכט.

קיטי האָט אויף אַלעמען געקוקט אויך אזוי מיט אבוועזענדע אויגען וויא לעווין.

דערווייל האָבען דיא קירכען-דינער, דער גלח און דער דיאקאָן אָנגעטאָהן אויף זיך זייערע היילי‌גע בגדים און דער גלח איז צוגעקומען צו לעווינען, זאָגענדיג עפּעס. לעווין האָט ניט דערהערט.

— נעהמט פאר דער האנד דיא כלה און פיהרט זיא — האָט דער שאפער געזאָגט לעווינען.

לאַנג האָט לעווין ניט געקאָנט פארשטעהן, וואָס מען פאָדערט פון איהם. מען האָט צו איהם גערעדט, געוויזען וואָס ער האָט צו טאָהן און געוועלט שוין גאָר איבערלאָזען, וויא עס זאָל ניט זיין; ער פלעגט אָדער ניט נעהמען מיט דער נויטיגער האנד אָדער ניט אָננעהמען איהר נויטיגע האנד, אלץ עפּעס ניט אזוי וויא מען דארף — קוים וואָס ער האָט ענדליך פערשטאַנען, אז ער דארף מיט זיין רעכטער האנד, ניט ענדערענדיג דיא פּאָזע, אָננעהמען זיא פאר איהר רעכטער האנד. ווען ער האָט ענדליך גענומען דיא כלה פאר'ן האנד וויא מען האָט געדארפט, האָט דער גלח געמאַכט עטליכע טריט פאָראויס, צום אַנאַלאָי און דיא גאנצע מאַסע פערוואנדטע און בעקאַנטע, הוזשענדיג מיט זייער געשפּרעך און רוישענדיג מיט דיא לאַנגע שלעפּעס, האָט זיך א ציה געטאָהן נאָך איהם. עמיצעו' האָט זיך אָנגעבויגען און פעררי‌כט דיא שלעפּע פון דער כלה'ס קלייד. אין קירכע איז געוועזן אזוי שטיל, אז עס האָט זיך געהערט דאָס אראָבטריפען פון וואקס.

דער גלח האָט אָנגעצונדען צוויי ליכט, אויסגעפּוצטע מיט בלומען און האָט זיך א קעהר געטאָהן מיט'ן פּנים צו חתן-כלה. דאָס איז געוועזן דערזעלביגער גלח, וועלכער האָט מתודה געוועזן לעווינען. ער האָט מיט א מידען און אומעטיגען פּנים א קוק געטאָהן אויף חתן-כלה, האָט א זיפץ געטאָהן, האָט מיט זיין רעכטער האנד געבענשט זיי, דערנאָך האָט ער זיי דערלאַנגט אין דיא הענד דיא ליכט און נעהמענדיג דעם וויירוך איז ער לאַנגזאַם אָבגעגאנגען פון זיי.

„זאָל דאָס אמת זיין ?" האָט א טראכט געטאָהן לעווין און האָט זיך אומגעקוקט אויף דער כלה. ער האָט אביסעל פון אויבען געזעהען איהר פּראָפיל און פון דער קוים בעמערקטער בעוועגונג פון איהרע ליפּען און ברעמען האָט ער געוואוסט, אַז זי האָט דערפיהלט זיין בליק. זיא האָט זיך גיט אומגעקוקט, נור דער הויכער קרויזעלעך-קראַגען האָט זיך א ריהר געטאָהן אויפהויבענדיג זיך צו איהר קליינעם אויער. ער האָט געזעהען, אַז אַ זיפץ האָט זיך אָבגעשטעלט אין איהר ברוסט און עס האָט אַ ציטער געטאָהן אין דער הויכער האַנד-שוה איהר קליינע האַנד, וואָס האָט געהאַלטען דיא ליכט.

דער גאַנצער טומעל וועגען דער העמד, וועגען דעם פארשפּעטיגען זיך, דיא געשפּרעכען מיט בעקאַנטע, פערוואַנדטע, זייער אונצופריעדענהייט, זיין

# אננא קארענינא

קאָמישע לאַגע — אַלץ איז פּלוצלונג פערשוואונדען און איהם איז געוואָרען עפּעס אַזוי שמחה'דיג און שרעקליך. עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא פּאָרלעזונג פון דיא פערשיעדענע תפילות מיט דער גאַנצער צערעמאָניע. לעווין האָט זיך געוואונדערט וויא דיא ווערטער פון דיא צערעמאָניעלע חתונה־תפילות זיינען צוגעפּאַסט געוואָ־רען צו דאָס, וואָס מען פיהלט אין אַזאַ מינוט.

„פיהלט זיא אויך דאָסזעלביגע וואָס איך?“ — האָט לעווין אַ טראַכט געטאָהן. ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט באַגעגענט איהר בליק. און פון דעם אויסדרוק פון איהר בליק האָט ער געשלאָסען, אַז זיא האָט אויך פערשטאַנען דאָס וואָס ער. אָבער דאָס איז ניט אמת געווען: זיא האָט כמעט גאָרנישט פערשטאַנען פון דיא ווערטער פון דיא תפילות און האָט זיי אפילו ניט געהערט אין דער צייט פון דיא קדושין. זיא האָט ניט געקאָנט זיי הערען און פאַרשטעהן: אַזוי שטאַרק איז געווען דאָס איינציגע געפיהל, וואָס האָט אָנגעפילט איהר האַרץ און איז וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרען. דאָס איז געווען דיא פרייד, וואָס עס האָט זיך אין גאַנצען ערפילט דאָס, וואָס איז שוין צייט אָנדערהאַלבען מאָנאַ־טען שטענדיג אין איהר נשמה און וואָס האָט דיא גאַנצע צייט זיא געפרעהט און געמאַטערט.

אין יענעם טאָג, ווען אָנגעטאָהן אין איהר ברוינע קלייד אין זאַל פון זייער הויז איז זיא צוגעגאַנגען צו איהם שווייגענדיג און האָט זיך איהם אָבגעגעבען — פון יענעם טאָג אָן איז אין איהר נשמה געשעהן אַן אבריס פון דעם פריהעריגען לעבען; זיא האָט אין גאַנצען זיך דערפיהלט אָבגעריסען פון איהר לעבען ביז דעם טאָג און פאַר איהר האָט זיך אָנגעהויבען אין גאַנצען אַן אנ־ערעס, אַ נייעס, נאָך גאָר ניט קיין בעוואוסטעס לעבען פאַר איהר; אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט זיך פאָרטגעזעצט איהר אַלטעס לעבען. אַלע איהרע פערלאַנגען און האָפנונגען זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף דעם איין מענשען, וועלכער איז פאַר איהר נאָך אונפערשטענדליך און נאָך אונפערשטענדליכער איז פאַר איהר דאָס געפיהל וואָס בינדט זיא צו איהם. און אין דערזעלבער צייט איז דאָך אָנגעגאַנגען דאָס אַלטע לעבען.

זיא האָט זיך אַליין אויף זיך געוואונדערט, וויא גלייכגילטיג זיא איז גע־וואָרען צו אַלעס פערגאַנגענעס: צו זאָרג, צו געוועהנהייטען, צו מענשען, צו דיא וואָס האָבען זיא געליעבט און ליעבען זיא, צו דער מוטער, וועלכע האָט דערפון פערדרוס, צום אַלטען פאָטער, וועלכען זיא האָט פריהער מעהר פון אַלעם אויף דער וועלט געליעבט. וויילעוויז האָט זיא זיך געשראָקען פאַר דער דאָזיגער גלייכ־גילטיגקייט און וויילעוויז פלעגט זיא זיך פרעהען פון דאָס, וואָס עס האָט איהר געבראַכט אַזאַ גלייכגילטיגקייט.

זיא האָט וועגען קיין זאַך ניט געקענט טראַכטען, זיא האָט קיין זאַך ניט געקאָנט פערלאַנגען, וואָס איז ניט געווען פערבונדען מיט איהר לעבען מיט דעם מענשען; אָבער דאָס דאָזיגע נייע לעבען איז דאָך נאָך ניט געווען, און זי האָט זיך ניט געקאָנט אפילו קלאָהר פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ לעבען דאָס וועט זיין. עס איז בלויז געווען ערוואַרטונג — שרעק און פרייד פאַר דעם נייע אונבעוואוסטע.

און אָט פערווירקליכט זיך דאָס נייע, וואָס האָט שוין לאַנג זיך אָנגעהויבען אין איהר נשמה.

א קעהר טאָהן'דיג זיך ווידער צו חתן־כלה האָט דער גלח אָנגענומען קיטיס קליינעם רינגעלע און פאָדערענדיג לעווינס האנד האָט ער איהם אָנגעטאָהן דעם רינגעלע אויף דעם ערשטען קנעכעל פון זיין פינגער. „עס איז זיך מקדש גאָטעס קנעכט קאָנסטאַנטין מיט גאָטעס קנעכטין יעקאטערינא.“ און ער האָט אָנגעטאָהן דעם גרויסען רינג אויף קיטיס ראָזיגען, קליינעם, שוואכען פינגעריל, איבערזאָגענדיג דיזעלביגע ווערטער.

עטליכע מאָהל האָבען חתן און כלה געוועלט טרעפען וואָס מען דאַרף טאָהן און האָבען יעדען מאָהל געמאַכט א טעות און דער גלח האָט זיי שטילערהייט אונטערגעזאָגט וויא זיי דארפען טאָהן. ענדליך האָט ער זיי איבערגע'צלם'ט מיט דיא רינגען און האָט ווידער איבערגעגעבען קיטי'ן דעם גרויסען רינג און לעווינען דעם קליינעם רינגעלע ; זיי האָבען זיך ווידער פארפּלאָנטערט און האָבען צוויי מאָהל איבערגעגעבען דיא פינגערלעך פון האַנד אין האַנד און עס איז דאָך ארויסגעקומען ניט דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט.

דאָללי, טשריקאָוו און סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָבען צוגעטראָטען צו העלפען זיי. עס איז ארויסגעקומען א צומישעניס, מורמלעריי און שמייכלען און דער געהויבען־מילדער אויסדרוק אויף דיא פּנים'ער פון חתן־כלה האָט זיך ניט גענענדערט. סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט זיי א שעפּטשע געטאָהן, אז זיי זאָלען איצט יעדערער אָנטאָהן זיין רינג, אָבער ער האָט ניט געשמייכעלט, פיהלענדיג אז יעדער שמייכעל וואָלט זיי איצט בעליידיגען.

„פון אָנפאנג אָן האָסט דוא בעשאַפען א מענליכען געשלעכט און א ווייבליכען געשלעכט“ — האָט דער גלח אָנגעהויבען א נייע תפילה. און לעווין האָט געפיהלט אלץ מעהר און מעהר אז אלע זיינע פריהערדיגע געדאַנקען וועגען הייראַטה, זיינע פאַנטאַזיעס וועגען דעם וויא ער וועט איינריכטען זיין לעבען, אז דאָס אלעס זיינען געוועזן קינדערייען און אז דאָס איז אזעלכעס וואָס ער האָט ביז איצט ניט פערשטאַנען און פערשטעהט איצט נאָך מעהר ניט, הגם דאָס פערווירקליכט זיך איצט מיט איהם ; אין ברוסט האָט זיך אלץ העכער און העכער געהויבען דאָס ציטערען און דיא ניט געהאָרכזאמע טהרערען האָט זיך געוויזען אין דיא אויגען.

.5

גאַנץ מאָסקווא איז געווען אין דער קירכע, פערוואנדטע און בעקאַנטע. און אין דער צייט פון דער קדושין־צערעמאָניע, אין דער גלענצענדער בעלייכטונג פון דער קירכע, אין דעם קרייז פון אויסגעפּוצטע פרויען, מיידלעך און מענער אין ווייסע האלזטיכער, פראַקען און מונדירען האָט ניט אויפגעהערט דער העפליך שטילער געשפּרעך, וועלכען עס האָבען הייפּטזעכליך אָנגעהויבען דיא כאַוואַלירען, און

# אננא קארענינא

דער צייט ווען דיא דאַמען זיינען געווען פערשלונגען אין דער בעאָבאַכטונג פון דיא איינצעלהייטען פון דער הייליגער צערעמאָניע, וועלכע ריהרט זיי זעהר.

אין דעם נאָהענטסטען קרייז צו דער כלה זיינען געווען איהרע צוויי שוועסטער: דאללי דיא עלטערע, און דיא רוהיגע שעהנהייט לוואָווא, וועלכע איז צו־ליעב דעם געקומען פון אויסלאַנד.

— פאר וואָס איז דאָס עפּעס מאַרי אָנגעטאָהן אין ליל־פאַרב, אזוי וויא שווארץ, אויף אַ חתונה? — האָט געזאָגט קארסונסקאיא.

— פאַר איהר געזי כמס־פאַרב איז דאָס דיא איינציגע רעטונג... — האָט געענטפערט טרובעצקאיא — איך וואונדער זיך נור, פאַר וואָס האָבען זיי דיא חתונה געמאַכט אבענדס. דאָס איז עפּעס וויא פּשוטע קופּצעט...

— עס איז שעהנער אזוי. מיין חתונה איז אויך געווען אין אבענד — האָט געענטפערט קארסונסקאיא און האָט זיך אָבגעזיפצט, דערמאָהנענדיג זיך וויא ליעבליך זיא איז געווען אין יענעם טאָג, וויא קאָמיש פער־ליעבט איהר מאַן איז געווען און וויא איצט איז אַלעס אנדערש געוואָרען.

— מען זאָגט, אז אויב עמיצער איז געווען מעהר פון צעהן מאָהל אַ שאַפער, יענער וועט שוין קיין מאָהל ניט הייראַטען; איך האָב געוואָלט ווערן אַ שאַפער דעם צעהנטען מאָהל שוין אום צו זיין פערסטראַכירט, אָבער האָט שוין אַן אנדער פערכאַפּט מיין פּלאַץ — האָט געזאָגט גראף טשאַרסקי צו דער שעהנינקער פירסטין טשאַרסקאַיאַ, וועלכע האָט אויף איהם געהאַט אויסזיכטען.

טשאַרסקאַיאַ האָט איהם געענטפערט בלויז מיט אַ שמייכעל. זיא האָט געקוקט אויף קיטי, דיינקענדיג וועגען זיך, וויא און ווען וועט זיא שטעהן מיט׳ן גראף סיניאווין אין דער לאַגע פון קיטי, און וויא זיא וועט איהם דאן דערמאָהנען וועגען דעם וויץ וואָס ער מאַכט איצט.

שטשערבאצקי האָט ערקלערט דער אלטער פריילין ניקאָלאיעווא אז ער וואָלט געוואָלט אָנטאָהן קיטין דעם קראַנץ אויפ׳ן שיניאָן אלס אַ צייכען פון גליק.

— זיא האָט קיין שיניאָן ניט געדאַרפט אָנטאָהן — האָט געמאַכט דיא בעמערקונג ניקאָלאיעווא. וועלכע האָט שוין לאַנג בעשלאָסען, אז אויב דער אַלטער אליין, אויף וועלכען זיא האָט געוואָרפען אן אויג, וועט מיט איהר חתונה האָבען, וועט דיא חתונה זיין דיא איינפאכסטע, — איך ליעב ניט דאָס אויס־פוצעניש.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט גערעדט מיט מאַריאַ דמיטריעוונאַ, וויטצ־לענדיג פארזיכערענדיג זיא, אז דער מנהג נאָך דער חתונה אוועקצופאָהרען ערגעץ אויף אַ האָניג־רייזע קומט דערפון וואָס דאָס יונגע פּאָאר פיהלט זיך עפּעס שעה־מעוודיג, וויא שולדיגע.

— אייער ברודער מעג שטאָלץ זיין. זיא איז וואונדערליך ליעבליך. איך גלויב, אז איהר זייט מקנא?

— דיא דאָזיגע געפיהלען פון קנאה האָב איך שוין איבערגעלעבט, מאַריא דמיטרעוונא — האָט ער געענטפערט און זיין פּנים האָט אָנגענומען אן אומעטי־גען און ערנסטען אויסדרוק.

# אננא קארעני נא

סטעפּאן ארקאדיעוויטש האָט דערצעהלט זיין שוועגערין זיין וויץ וועגען דעם וויא ער איז גלייך צו א פעלדמארשאל איבער זיינע שתדלנות וועגען א גט. זיא האָט זיך אָבער ניט איינגעהערט און האָט געזאָגט:

— מען דארף דעם קראנץ צורעכט מאַכען.

— וואָס פאר א פערדרוס איז וואָס זיא זעהט איצט שלעכט אויס — האָט געזאָגט גרעפין נארדסטאָן צו לוואָווא — און פון דעסטוועגען איז ער איהר פינגער ניט ווערטה. ניט אמת?

— ניין, ער געפעלט מיר זעהר — האָט געענטפערט לוואָווא — און וויא גוט ער האלט זיך! און עס איז דאָך אזוי שווער צו האלטען זיך וויא עס דארף צו זיין אין אזא לאגע, ניט צו אויסקוקען לעכערליך. און ער זעהט גאר ניט אויס לעכערליך, איז ניט אָנגעצויגען, ניט שטייף, ער זעהט אויס זעהר גערירהרט.

— דוכט זיך, אז איהר האָט אזוי ערווארט, זיא זאָל מיט איהם חתונה האָבען?

— יא, זיא האָט איהם אימער ליעב געהאַט.

— לאָמיר זעהן ווער פון זיי וועט דער ערשטער שטעלען דיא פוס אויפ'ן טעפיך. איך האָב קיטין געראטהען, זיא זאָל זעהען זיין דיא ערשטע.

— וואָס איז ניט אלץ איינס — האָט געענטפערט לוואָווא — מיר זיינען אלע אונטערטעניגע פרויען. דאָס איז שוין אזוי אין אונזער פאמיליע.

— און איך האָב געזעהען צו זיין דיא ערשטע פריהער פאר וואסילין.

דאללי איז געשטאַנען לעבען זיי, האָט זיי געהערט, טהרערען זיינען איהר געשטאַנען אין דיא אויגען, און זיא וואָלט אפּנים גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגען און זאָל זיך ניט צוואויינען. זיא האָט הנאה געהאַט צו קוקען אויף קיטי און לעווין און איהר הארץ האָט זיך געפרעהט מיט זיי. זיא האָט זיך עראינערט וועגען איהר אייגענער חתונה און האָט א קוק געטאָהן אויף דעם שיינענדען סטעפּאן אר־קאדיעוויטש האָט פארגעסען דאָס געגענווערטיגע און האָט בלויז געדיינקט איהר ערשטע אונשולדיגע ליעבע.

זיא האָט דערמאָהנט זיך ניט אויף זיך אליין בלויז, נור אויף אלע פרויען נאָהענטע און בעקאנטע: זיא האָט זיי פאָרגעשטעלט זיך אין דעם איינציגען אין דער איינציגער צייט פון זייער טריאומף ווען זיי זיינען אויך אזוי וויא קיטי גע־שטאַנען אונטער דער חופה מיט ליעבע, האָפענונג און שרעק אין הארצען, אָבזאָ־גענדיג זיך פון דער פערגאנגענהייט און ארייננטרעטענדיג אין דער געהיימניס־פולער צוקונפט. אין דער צאָהל פון דיא אלע כלות האָט זיא זיך אויך דערמאָהנט אויף איהר ליעבליכער אננא, וועגען וועמעס פלאן אויף א גט זיא האָט ניט לאנג ערשט געהערט. זיא איז דאָך אויך אמאָל א ריינע געשטאַנען מיט פּאָמעראנצען־בלומען און א שלייער. און איצט וואָס? „שרעקליך, זאָנדערבאר", האָט זיא פאר זיך א מורמעל געטאָהן.

ניט בלויז די שוועסטער, פריינדינען און פערוואַנדטע האָבען געפאָלגט נאָך אלע איינצעלהייטען פון דער הייליגער צערעמאָניע: דיא זייטיגע פרויען, צו־שויערינס, האָבען מיט אויפרעגונג, מיט פערכאַפּטען אטהעם געפאָלגט נאָך דיא מינדעסטע איינצעלהייטען און האָבען מורא געהאַט צו פערלירען דיא מינר־

סטע בעוועגונג, דעם מינדעסטען אויסדרוק אין דעם פנים פון חתן און כלה, און האבען געהאט פערדרוס, וואס מען שטערט זיי און זיי האבען זיך ניט געוואלט צוהערען צו דיא רייד פון דיא גלייכגילטיגע מאנסליים, וועלכע האבען זיך גע־וויצעלט אדער געמאכט זייטיגע בעמערקונגען.

— וואס זשע איז זיא אזוי פערוויינט ? אדער איז דאס א געצוואונגע־נער שידוך ?

— פאר וואס זאל זיא פיהלען געצוואונגען ? ער איז אזא שעהנער יונג, א פירסט איז ער אפנים ?

— און דיא, אין דער יוויסער אטלאסענער קלייד ? דאס מוז זיין דיא כלה׳ס א שוועסטער ? גט וועסט דוא הערען וויא דער דיאקאן וועט א ברום טאהן דעם פסוק : „און מורא האבען זאל זיא פאר איהר מאן“.

— איך האב א פרעג געטאהן דעם לאקיי, זאגט ער אז דער חתן פיהרט זיא גלייך נאך דער חופה אוועק צו זיך אויפ׳ן מאיאנטעק. רייך איז ער א שרעק. דערפאר האט מען דאס מיט איהם געטהאן דעם שידוך.

— ניין, א פאארעל איז דאס א שעהנע.

— זעהט איהר, איהר האט זיך געהאמפערט מיט מיר, אז ניט אזוי זראגט מען קראנאלינעס. גיט א קוק אויף דער, א געזאנדטע זאגט מען איז זיא, זעהט וויא זיא טראגט. אזוי און דערנאך אזוי.

— וואס פאר א ליעבינקע דיא כלה איז, וויא א שעפעלע א פערפוצטע. וואס איהר זאלט ניט זאגען, א רחמנות אויף אונזערע א שוועסטער.

אזא שמועס איז אנגעגאנגען אין דער מאסע צושויערינס, וועלכע האבען בעוויזען דורכצושפארע׳ זיך אין טיהר פון קירכע.

6.

ווען דיא צערעמאניע פון דיא קדושין האט זיך געענדיגט האט דער שמש אונטערגעבעט לעבען בימה אין מיטען קירכע א שטיקעל ראזע זיידענע צייג, דער כאר האט אנגעהויבען זינגען א קאפיטעל תהילים זעהר קונציג, און דער באס מיט דעם טענאר האבען געזוכט איבערצושרייען זיך צווי־שען זיך און דער גלח האט אנגעוויזען דער יונגער פאאר אויף דעם שטיק זיידענ־צייג. וויא אפט זיי האבעןביידע ניט געהערט דערפון, אז ווער עס טרעט ארויף דער ערשטער אויף דעם טעפיך וועט יענער זיין דער הערשער אין דער פאמיליע, האבען פון דעסטוועגען ניט לעווין און ניט קיטי געקאנט ט־אכ־טען וועגען דעם איצט ווען זיי האבען געדארפט מאכען דיא עטליכע טריט צום טעפיך. זיי האבען ניט געהערט דיא הויכע בעמערקונגען און דיא האמפע־רייען וועגען דעם, אז לויט דיא בעאבאכטונג פון איינע איז ער ארויף דער ערשטער, און לויט דער מיינונג פון אנדערע — ביידע צוזאמען גלייך.

# אננא קארענינא

נאָך דיא געוועהנליכע פראגען וועגען זייער וואונש חתונה צו האָבען און צו זיי האָבען ניט געמאַכט קיין פארשפּרעכען צו אנדערע און זייערע אנטוואָרטען וועלכע האָבען פאר זיי אַליין געקלונגען זאָנדערבאַר האָט זיך אָנגעהויבען א נייע גאָטעס־דינסט. קיטי האָט געהערט דיא ווערטער פון דיא תפילות, וועלענדיג פארשטעהן זייער געדאנק, אָבער זיא האָט ניט געקאָנט. דאָס טריאומף־געפיהל און דיא ליכטיגע פרייד האָט אלץ מעהר און מעהר אָנגעפילט איהר הארץ און האָט פון איהר אראָבגענומען דיא מעגליכקייט פון אויפמערקזאם צו זיין.

אין דיא תפילות האָט זיך דערמאַנט, אז גאָט האָט בעשאַפען דיא פרוי פון אדם'ס א ריפּ און אז „דערפאר זאָל א מענש פערלאָזען זיין פאטער און מוּטער, זאָל זיך באהעפטען אן זיין ווייב און זיי זאָלען ווערן איין לייב". און אז „דער דאָזיגער יסוד איז א גרויסער"; מען האָט גאָט געבעטען, אז ער זאָל זיי געבען פרוכטבארקייט און ברכה, וויא יצחק'ן מיט רבקה'ן, וויא יוסף'ן, וויא משה'ן מיט צפּורה'ן, און אז זיי זאָלען זוכה זיין צו זעהען קינדער און קינדס קינדער.

„דאָס אלעס איז שעהן — האָט געטראכט קיטי, הערענדיג דיא דאָזיגע ווערטער — דאָס אלעס קאָן אנדערש ניט זיין." און א שמייכעל פון פרייד האָט געשיינט אויף איהר ליכטיג געוואָרענעם פּנים און האָט זיך איבערגעגעבען צו אלעמען, וואָס האָבען געקוקט אויף איהר.

— טהוט אן אין גאנצען! — האָבען זיך געהערט עצות, ווען דער גלח האָט אויף זיי אנגעטאָהן דיא קראנצען, און שטשערבאצקי האָט מיט ציטערנדע הענד געהאַלטען דעם קראַנץ איבער איהר קאָפּ.

— טהוט אָן! — האָט זיא א שעפּצע געטאָהן מיט א שמייכעל.

לעווין האָט זיך אויף איהר אומגעקוקט און איז געוועזן איבערראשט פון יענער פריידיגער ליכטיגקייט, וואָס איז געווען אין איהר פּנים, און דאָסזעלביגע געפיהל האָט זיך אויך איהם איבערגעגעבען. איהם איז אויך געוואָרען אזוי וויא איהר ליכטיג און פרעהליך.

זיי האָט געפרעהט צו הערען ווען מען האָט געלעזען דיא אפּאָסטאָלישע שליחות און דעם דונערדיגען קול פון דעם פּראָטאָדיאקאן ווען ער האָט געלעזען דיא לעצטע שורות, זיי האָט געפרעהט צו טרינקען פון דער פלאַכער טאַסס דעם ווארעמען, רויטען וויין מיט וואסער, און זיי איז נאָך פרעהליכער געוואָרען, ווען דער גלח האָט גענומען זייערע ביידענס הענד אין זיינע און האָט זיי ארומגעפיהרט ארום בימה, אין דער צייט וואָס דער באַס האָט ארויסגעברומט זיין „שמח תשמח". שטשערבאצקי און טשיריקאָוו, וועלכע האָבען אונטערגעהאַלטען דיא קראנצען און האָבען זיך געפּלאָנטערט אין דער כלה'ס שלעפּע, האָבען אויך געשמייכעלט און האָבען זיך עפּעס געפרעהט. דער פונק פון פרייד, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען דוכט זיך אין קיטי, האָט אָנגעכאַפּט דערנאָך אלעמען, וועלכע האָבען זיך איינגעפונען אין קירכע. לעווינען האָט זיך געדוכט אז אי דעם גלח, אי דעם דיאקאן, אויך אזוי וויא איהם, האָט זיך געוועלט שמייכלען.

אראָבנעהמענדיג דיא קרענץ פון זייערע קעפּ האָט דער גלח איבערגע־
לייענט דיא לעצטע תפילה און האָט גראטולירט דאָס פּאָר־פּאָלק. לעווין האָט
א קוק געטאָהן אויף קיטי און קיין מאָהל האָט ער זיא אזא ניט געזעהען ביז
איצט. זיא איז געווען פּרעכטיג און האָט געשיינט מיט יענעם נייעם שיין פון
גליק, וואָס איז געווען אויף איהר פּנים. לעווינען האָט זיך געוועלט איהר וואָס
ניט איז זאָגען, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, אויב עס האָט זיך שוין געענ־
דיגט. דער גלח האָט איהם ארויסגעפיהרט פון פערלעגענהייט. ער האָט א
שמייכעל געטאָהן מיט זיין גוטען מויל און האָט געזאָגט: „גיט א קוש אייער
פרוי, און איהר גיט א קוש אייער מאַן“, און ער האָט ארויסגענומען פון זייערע
הענד דיא ליכט, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען.

לעווין האָט מיט פאָרזיכט א קוש געטאָהן איהר'ע שמייכלענדע ליפּען,
האָט איהר דערלאַנגט דיא האַנד און שפּירענדיג עפּעס א נייע, זאָנדערבארע
נאָהענטקייט, האָט ער אָנגעהויבען ארויסגעהן פון קירכע. ער האָט ניט גע־
גלויבט און האָט ניט געקאָנט גלויבען, אז דאָס איז אן אמת. בלויז דאן ווען
עס האָבען זיך באגעגענט זייערע פערוואונדערטע און געלאַסענע בליקען, האָט
ער עס געגלויבט, ווארום ער האָט געפיהלט, אז זיי זיינען שוין געווען איינס.

נאָך דעם אבענד־מאָהלצייט, אין דערזעלבער נאכט נאָך איז דיא יונגע
פּאָר אוועקגעפאָהרען צו לאַנד.

## 7.

שוין דריי מאָנאט וויא ווראנסקי מיט אננא'ן האָבען גערייזט איבער איי־
ראָפּא. זיי האָבען בערייזט ווענעדיג, רוים, נעאפּאָל און זיי זיינען נור־וואָס
געקומען צופאָהרען אין א קליינעם איטאַליענישען שטעדטעל, וואו זיי האָבען
זיך געוועלט בעזעצען אויף אייניגער צייט.

דער שעהנער אבער־קעלנער, ביי וועלכען דער שייטעל פון דיא גע־
דיכט אָנגעשמירטע האָאר האָט זיך אָנגעהויבען פון פּאטיליצע, אין א פראק און
מיט א ברייטער, ווייסער באטיסטענער ברוסט פון העמד, האָט פארלייגט דיא
הענד אין דיא קעשינעס, מיט פעראכטונג קנייטשענדיג דעם פּנים, דרינגליך
צוקוקענדיג זיך, עפּעס געענטפערט שטריינג א הערן, וועלכער האָט
זיך אָבגעשטעלט. דערהערענדיג פון דער צווייטער זייט ציפּאהר טריט, ארויפ־
געהענדיג אויף דיא טרעפּ, האָט דער אָבער־קעלנער זיך אומגעקוקט און דערזע־
הענדיג דעם רוסישען גאסט, וועלכער פערוואָהנט ביי זיי דיא בעסטע צימערען,
האָט ער העפליך ארויסגענומען דיא הענד פון דיא טאשען און אָנבויגענדיג זיך
האָט ער ערקלעהרט, אז עס איז געווען א קוריער און אז דיא אנגעלעגענהייט
וועגען אָבדינגען דעם פּאלאץ איז אָבגעמאכט. דער הויפּט־פּערוואלטער איז פערטיג
צו שליסען א קאָנטראקט.

# אננא קארעניננא

—אַ ! דאָס פרעהט מיך זעהר — האָט געזאָגט ווראנסקי — א דיא מאדאם איז צו הויז אָדער ניט ?

—זיי זיינען געגאנגען שפּאצירען, אָבער האָבען זיך ערשט צוריקגע-קעהרט — האָט געענטפערט דער קעלנער.

ווראנסקי האָט אראָבגענומען פון זיין קאָפּ דיא ווייכע הוט מיט'ן ברייטען ראנד און האָט אָבגעווישט מיט זיין טאשען-טוך דעם פערשוויצטען שטערען און דיא אָבגעלאָזענע האָאָר, וועלכע ער האָט פערקאמט אויף צוריק און וועלכע האָבען פארדעקט זיין פּליך. און א קוק טאָהנדיג צוטראָגענערהייט אויף דעם הערר׳ן, וועלכער איז דאָ געשטאנען און האָט ניט בעוויזען אָבצוטרעטען, האָט ער געוואָלט פערבייגעהן.

— דער דאָזיגער הערר איז א רוסישער און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען אייך — האָט געזאָגט דער אָבער-קעלנער.

מיט דעם געמישטען געפיהל פון פערדרוס, וואָס מען קאָן קיין מאָהל ניט פּטור ווערן פון בעקאנטע און דעם וואונש צו געפינען לכל דפּחות א וועלכע ניט איז צייט-פערטרייב פון דיא איינזאמקייט פון זיין לעבען האָט ווראנסקי נאָך אמאָל זיך אומגעקוקט אויף דעם הערר׳ן, וועלכער האָט אָבגעטראָטען און איז געבליבען שטעהן, און אין דערזעלביגער צייט האָבען בייביידען א לייכט גע-טאָהן דיא אויגען.

— גאלענישטשעוו !

— ווראנסקי !

ווירקליך, דאָס איז געווען גאלענישטשעוו, ווראנסקי׳ס א חבר פון פּאזי-שען-קארפּוס. גאלענישטשעוו האָט אין קארפּוס בעלאנגט צו דער ליבעראלער פּארטיי, און פון קארפּוס איז ער ארוים אלס ציוויל-בעאמטער, איז אָבער אייף קיין אמט ניט געווען. זינט זיי זיינען ארוים פון קארפּוס זיינען זיי זיך צוגאנ-גען און האָבען זיך בלויז איין מאָהל בעגעגענט.

און ביי יענער בעגעגעניש האָט ווראָנסקי פערשטאנען, אז גאלע-נישטשעוו האָט עפּעס אויסגעקליבען א הויך-קלוגע טהעטיגקייט און א ליבעראלע, און אז דארום האָט ער פערהאסט ווראנסקי׳ס טהעטיגקייט און זיין בערוף. דערפאר האָט ווראנסקי, בעגעגענדיג גאלענישטשעווען, א קוק געטאָהן אויף איהם אזוי קאלט און שטאָלץ וויא ער האָט געקאָנט און דאָס האָט בעדייט: „איך קאָן געפעלען זיין אָדער ניט געפעלען זיין מיין אויפפיהרונג, אָבער מיר בלייבט עס גאנץ גלייך ; איהר מוזט מיך אכטען, אויב איהר ווילט זיך מיט מיר קענען.” גאלענישטשעוו איז אָבער געווען לחלוטין גלייכגילטיג צו ווראנ-סקי׳ס האלטונג.

ווען זיי האָבען זיך איצט בעגעגענט האָט דאָס דוכט זיך געדארפט נאָך מעהר צוטהיילען זיי. אָבער גראד האָבען זיי איצט א שיין געטאָהן און האָבען אויסגעשריען פון פרייד, ווען זיי האָבען איינער דעם צווייטען דערקענט. ווראנ-סקי האָט גאָר בשום אופן ניט ערווארט, אז ער וועט זיך אזוי דערפרעהען,

ווען ער וועט בעגעגענען גאלענישטשעווען, נור וואהרשיינליך האט ער אליין גאר אויף אזוי פיעל ניט געוואוסט וויא לאנגווייליג איהם איז. ער האט פארגעסען דעם אונאנגענעהמען איינדרוק פון דער לעצטער בעגעגעניש און מיט אן אפענעם, ערפרעהטען פנים האט ער דערלאנגט דיא האנד זיין געוועזענעם קאלעגע. גאלענישטשעוו'ס פנים איז אויך אזוי ערפרעהט געווארען אנשטאט וואס פריהער איז אויף איהם געוועז אן אונרוהיגער אויסדרוק.

— וויא גערן בין איך דיך צו בעגעגענען ! — האט געזאגט ווראנסקי, אויסשטעלענדיג זיינע קרעפטיגע ווייסע צייהנער מיט א פריינדליכען שמייכעל.

— און איך הער : ווראנסקי ; אבער וועלכער ווראנסקי האב איך ניט געוואוסט. בין זעהר, זעהר ערפרעהט !

— קום, לאמיר אריין. נו, וואס מאכסט דוא ?

— איך וואהן שוין דא דאס צווייטע יאהר. איך ארבייט.

— א ! — האט מיטפיהלענד געזאגט ווראנסקי.

און לויט דער שטענדיגער געוועהנהייט פון רוסען, האט ער אנשטאט צו אנהייבען ריידען אויף רוסיש, וואס ער האט ווייטער געוואלט זאגען כדי דיא דינער זאלען ניט פארשטעהן, האט ער אנגעהויבען אויף פראנצויז, פארגעסענדיג אז דאס איז דוקא דיא שפראך וואס זיי פארשטעהען.

— ביסט דוא בעקאנט מיט קארענינא ? מיר רייזען צוזאמען. איך געה דאס איצט צו איהר — האט ער געזאגט אויף פראנצויז און האט זיך אויפמערקזאם איינגעקוקט אין גאלענישטשעוו'ס פנים.

— א ! איך האב ניט געוואוסט (אבוואהל ער האט יא געוואוסט) — האט גלייכגילטיג געענטפערט גאלענישטשעוו — שוין לאנג וויא דוא ביסט געקומען צופאהרען ? — האט ער א פרעג געטאהן.

— איך ? אהער ? דעם פערטען טאג — האט געענטפערט ווראנסקי נאך אמאל איינקוקענדיג זיך אין זיין חבר'ס פנים.

— יא, ער איז אן אנשטענדיגער מענש און ער קוקט אויף דער זאך אזוי וויא עס דארף צו זיין — האט זיך געזאגט ווראנסקי פארשטעהענדיג דיא בעדייטונג פון דעם אויסדרוק פון גאלענישטשעוו'ס פנים — איהם מעג מען באקענען מיט אננא'ן, ער קוקט ריכטיג אויף דער אנגעלעגענהייט.

אין דיא דאזיגע דריי מאנאטען וואס ווראנסקי האט פערבראכט מיט אננא'ן אין אויסלאנד, פלעגט ער יעדען מאהל וואס ער פלעגט זיך באגעגענען מיט א נייער פערזאן שטעלען דיא פראגע : וויא וועט דער דאזיגער קוקען אויף זיינע בעציהונגען צו אננא'ן. און מעהרסטענטהיילס האט ער געפונען אין דיא מאנסלייט, אז זיי קוקען אויף דיא דאזיגע בעציהונגען וויא מען ד א ר ף קוקען. אבער ווען מען וואלט איהם פרעגען און ווען מען וואלט פרעגען יענע מאנסלייט אין וואס בעשטעהט דאס וואס זיי רופען „וויא מען דארף“ וואלטען ער און זיי געוועזען אין א גרויסער פערלעגענהייט.

אין דער ווירקליכקייט האבען יענע, וועלכע לויט ווראנסקי'ס מיינונג האבען פערשטאנען „וויא עס בעדארף צו זיין“ אזעלכע בעציהונגען, האבען דאס ניט אנגעהויבען גאר צו פארשטעהן, נור האבען זיך געהאלטען אין אלגע־

מיין, וויא עס האלטען זיך גוט־ערצויגענע מענשען בנוגע צו אלע קאמפליצירטע און אונגעלייזטע פראגען, וועלכע רינגלען ארום דאס לעבען פון אלע זייטען; זיי האבען זיך געהאלטען ארטיג, העפליך, אויסמיידענדיג אנדייטונגען און אונאנגענעהמע פראגען. זיי האבען זיך געמאכט, אז זיי פארשטעהען אין גאנצען דיא בעדייטונג און דעם זינען פון דער לאגע, אנערקענען און געפינען עס פאר גוט, נור זיי רעכענען פאר אונפאסיג געהן דאס אלעס ערקלעהרען.

ווראנסקי האט גלייך געטראפען, אז גאלענישטשעוו איז געווען אזא מין מענש און דארום האט ער זיך דאפעלט געפרעהט מיט איהם. און גאלענישטשעוו האט זיך ווירקליך פערהאלטען צו קארענינא, ווען ווראנסקי האט איהם אריינגעפיהרט צו איהר, וויא ווראנסקי האט געוואונשען ער זאל זיך האלטען. ער האט אהן אנשטרייננגונג אויסגעמיידט יעדען געשפרעך, וועלכער האט געקאנט פיהרען צו אונאנגענעהמליכקייט.

ער האט פריהער אננא'ן ניט געקענט און ער איז געווען איבערראשט פון איהר שעהנהייט און נאך מעהר פון איהר איינפאכקייט. וויא זיא האט זיך געהאלטען אין איהר לאגע. זיא איז רויט געווארען, ווען ווראנסקי האט אריינגעפיהרט גאלענישטשעווען, און דיא קינדערשע פארב, וואס איז ארויסגעטראטען אויף איהר אפענעם און שעהנעם פנים, איז איהם זעהר געפעלען געווארען. אבער וואס איהם איז נאך מעהר פון אלעס געפעלען געווארען אין איהר, איז געווען דאס, וואס זיא האט גלייך פאר איהם אנגערופען ווראנסקין אלעקסיי און האט גלייך דערצעהלט, וויא זיי האלטען אין איבערקלייבען זיך אין א נייע וואהנונג, וועלכע מען רופט דארט פלאצצא. דורך אזא האלטונג האט זיא געמאכט גלייך אז עס זאל קיין מיספערשטענדניס ניט זיין. איהר דאזיגע איינפאכע און גלייכע בעציהונג צו איהר לאגע איז געפעלען געווארען גאלענישטשעווען.

קוקענדיג אויף איהרע גוטהערציג פרעהליכע, ענערגישע מאניערען, קענענדיג אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשען און ווראנסקין, האט גאלענישטשעווען אויסגעוויזען זיך, אז ער פארשטעהט זיא פאלשטענדיג. איהם האט זיך געדוכט, אז ער פארשטעהט דאס, וואס זיא האט אין דער ווירקליכקייט בשום אופן ניט פערשטאנען: נעמליך דאס, וויא האט זיא, נאך דעם וויא זיא האט אונגליקליך געמאכט איהר מאן, האט איוועקגעווארפען איהם און איהר קינד און האט פערלארען איהר גוטען נאמען, וויא האט זיא געקאנט פיהלען זיך ענערגיש, פרעהליך און גליקליך.

— ווייסט איהר וואס? דער וועטער איז אזוי שעהן, לאמיר צוגעהן צו דעם פלאצצא און בעקוקען אונזער נייע וואהנונג — האט געזאגט ווראנסקי, ווענדענדיג זיך צו אננא.

— זעהר גערן, איך געה גלייך און טוה אן מיין הוט. איהר זאגט, אז עס איז היים — האט זיא געזאגט, אבשטעלענדיג זיך ביי דער טיהר און פראגליך קוקענדיג אויף ווראנסקי'ן. און ווידער האט זיך איהר פנים באדעקט מיט א בונטע רויטקייט.

ווראנסקי האט פערשטאנען, אז איהר בליק מיינט, דאס זיא ווייס ניט

# אננא קארעני נא

אין וועלכע בעציהונגען ער איז מיט גאלענישטשעווען און זיא וויים דארום ניט צו איהם געפעהלט וויא זיא האט זיך געהאלטען.

ער האט אויף איהר א קוק געטאהן לאנג און צערטליך.

— ניין, ניט זעהר היים — האט ער געזאגט.

און איהר האט זיך בעוויעזען, אז זיא האט אלעס פערשטאנען; הויפטזעכליך דאס, אז ער איז פון איהר צופריעדען; און א שמייכעל טאהנ'דיג צו אידם, איז זיא מיט שנעלע טריט ארוים פון טהיר.

דיא פריינד האבען איינער דעם אנדערן אנגעקוקט און אין ביידענס פנים'ער איז עפּעס פערגעקומען א צומישענעס, וויא גאלענישטשעוו, וועלכער האט הנאה געהאט אויף איהר קוקענדיג, וואלט געוועלט עפּעס זאגען וועגען איהר און האט ניט געפונען וואס, און וויא ווראנסקי וואלט אויך וועלען דאסזעלביגע און מורא האבענדיג דערפאר.

— אזוי איז דאס — האט אנגעהויבען ווראנסקי אום אנצוהויבען א געשפּרעך וויא עס איז — האסט דוא זיך אין גאנצען הייכט עס באזעצט דא? און באשעפטיגסט זיך אלץ מיט דאסזעלביגע? — האט ער געפרעגט דערמאנענדיג זיך, אז מען האט איהם געזאגט אז גאלענישטשעוו שרייבט עפּעס.

— יא, איך שרייב דעם צווייטען טהייל פון „דיא צוויי יסודות“ — האט געזאגט גאלענישטשעוו, וועלכער איז אויפגעפלאמט געווארען פון פערגעניגען ביי דער פראגע — דאס הייכט, צו זיין, שרייב איך נאך ניט, נור איך פארפערטיג, זאמעל מאטעריאל. דער טהייל וועט זיין פיעל ברייטער און וועט פערכאפּען כמעט אלע פראגען. ביי אונז אין רוסלאנד וויל מען ניט פארשטעהן, אז מיר זיינען דיא יורשים פון ביזאנטיום — האט ער אנגעהויבען א לאנגע הייסע ערקלעהרונג.

ווראנסקי האט זיך געפיהלט אונבעקוועם, וואס ער האט ניט געוואוסט אפילו פון דעם ערשטען טהייל פון „דיא צוויי יסודות“, וועגען וועלכען דער פערפאסער רעדט וויא פון עפּעס בעוואוסטעס. ווען גאלענישטשעוו האט אבער אנגעהויבען דארצולייגען זיינע געדאנקען און ווראנסקי האט געקענט נאך זיי נאכפאלגען, האט ער ניט וויסענדיג פון דיא צוויי יסודות זיך פעראינטערעסירט, ווארום גאלענישטשעוו האט גערעדט שעהן. ווראנסקי האט זיך בלויז געוואונדערט פאר וואס ער רעדט מיט אזא נערוועזקייט וועגען דעם געגענשטאנד, וועלכער אינטערעסירט איהם. וואס מעהר ער האט גערעדט אלץ מעהר האבען זיך צופלאמט זיינע אויגען און האט זיך געראנגעלט מיט כלומר'שטע געגנער און דער אויסדרוק פון זיין פנים איז געווארען אלץ אונרוהיגער און בעליידיגענדער.

ווראנסקי האט זיך דערמאנט, א גאלענישטשעוו איז געוועזן א מאגערינקער, לעבעדיגער, גוט־מוטהיגער, אדעליגער אינגעל און דער ערשטער שילער אימער אין קארפּוס, און ער האט ניט געקאנט פארשטעהן פאר וואס איז ער דא איצט אזוי צורייצט. בעזאנדערנס איז איהם ניט געפעלען געוועזן וואס גאלענישטשעוו, א מענש פון העכערן קרייז פון דער געזעלשאפט, שטעלט זיך אויף איין ברעט, מיט וועלכע ניט איז שרייבערעס, וואס רעגען איהם אויף און אויף וועלכע ער איז

אזוי אויפגעבראכט? איז דאָס גאָר ווערטה דערמיט צו בעשעפטיגען זיך? אָבער ניט קוקענדיג דערויף, האָט ער געפיהלט, אַז גאלענישטשעוו איז אונגליקליך און ער האָט אויף איהם רחמנות בעקומען. דאָס אונגליק, כמעט וואהנזין, איז געווען קענטיג אין דעם בעוועגליכען, גאַנץ שעהנעם פנים, אין דער צייט וואָס ער, ניט באַמערקענדיג אפילו אַננאַס ארויסגאַנג, האָט פאָרטגעזעצט האַסטיג און היציג ארויסזאָגען זיינע געדאַנקען.

ווען אַננאַ איז ארויסגעקומען אין הוט און פעלערינע און האָט מיט אַ שנעלער בעוועגונג פון איהר שעהנער האַנד געשפּיעלט מיט'ן זונען־שירעם, האָט ווראָנסקי מיט אַ געפיהל פון ערלייכטערונג אָבגעריסען זיך פון גאלענישטשעוו'ס צודרינגליכע אויגען און האָט מיט נייע ליעבע אַ קוק געטאָהן אויף זיין פרעכטיגע, לעבענספולע און פריידענס־לוסטיגע פריינדין. גאלענישטשעוו האָט קוים געכאַפּט זיך און איז אין אָנפאַנג געוואָרען טרויעריג און בייזלעך, אָבער אַננאַ, וועלכע איז צו אַלעמען געווען מילד אויפגעלייגט (אַזוי איז זיא געווען דיא דאָזיגע צייט) האָט באַלד אָבגעפרישט איהם מיט איהר איינפאַכע און פרעהליכע האַלטונג. פּרופענדיג פערשיעדענע ערליי טהעמאַס צום ריידען, איז זיא ארויפגעקומען אויף מאַהלעריי, וועגען וואָס ער האָט גערעדט זעהר שעהן און זיא האָט צו איהם זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם. זיי האָבען צופוס שפּאַצירט ביז דער נייער וואָהנונג און האָבען בעקוקט דאָס הויז.

— איך בין צופריעדען פון איין זאַך — האָט אַננאַ געזאָגט גאלענישטשעוו'ן אויף זייער וועג צוריק: — אַלעקסיי וועט האָבען אַ גוטען אַטעליע. דוא זאָלסט ניט אַנדערש נעהמען דעם צימער — האָט זיא זיך אַ קעהר געטאָהן צו ווראָנסקין, זאָגענדיג איהם דוא, אַזוי וויא זיא האָט פערשטאַנען, אַז אין זייער איינזאַמקייט וועט גאלענישטשעוו נויטיגערווייז ווערען אַ נאָהענטער מענש, הייסט עס אַז פאַר איהם איז ניטאָ וואָס צו בעהאַלטען זיך.

— מאַהלסט דוא דען? — האָט געפרעגט גאלענישטשעוו שנעל אַ קעהר טאָהנ'דיג זיך צו ווראָנסקין.

— יאָ, איך האָב שוין לאַנג זיך באַשעפטיגט דערמיט און האָב איצט אביסעל אָנגעהויבען — האָט געזאָגט ווראָנסקי רויט ווערענדיג.

— ער האָט גרויס טאַלאַנט — האָט אַ זאָג געטאָהן אַננאַ מיט אַ לוסטיגען שמייכעל — נאַטירליך, איך בין ניט קיין ריכטער. אָבער ריכטער־מבינים האָבען אויך דאָסזעלבינע געזאָגט.

## 8.

אין דער דאָזיגער ערשטער צייט פון איהר בעפרייאונג האָט זיך אַננאַ געפיהלט אונפערצייהליך גליקליך. דיא ערינערונג וואָס דער מאַן איז אונגליקליך האָט ניט פערגיפטעט איהר גליק. אַלע ערינערונגען וועגען דעם וואָס עס האָט

# אננאַ קאַרעניננאַ

פּאַסירט נאָך דעם וויא זיא איז אויפגעשטאַנען פון איהר קראַנקהייט, דער שלום מיט'ן מאַן, דאַס ציגעהן זיך מיט איהם, ווראָנסקיס פּערוואונדונג, דערנאָך זיין ערשיינונג, איהר פאַרטיג מאַכען זיך צו אַ גט, דאָס אָבפאָהרען פון מאַן'ס הויז, דאָס זעגענען זיך מיט איהר זוהן — דאָס אַלעס האָט זיך איהר עראינערט וויא אַ פיבער־חלום, פון וועלכען זיא האָט אויפגעוואַכט דערזעהענדיג זיך מיט ווראָנסקין אין אויסלאַנד. דיא עראינערונג וועגען דעם אונגליק וואָס זיא האָט פעראורזאַכט איהר מאַן, האָט אין איהר ערוועקט אַ געפיהל, וואָס איז עהנליך עפּעס צו אַבשטוים; עהנליך וויא עס וואָלט פיהלען אַ מענש וואָס טרינקט זיך, ווען ער האָט אָבגעריסען פון זיך אַ מענשען, וואָס האָט זיך אין איהם איינגעצעפּעט. דער דאָזיגער מענש איז דערטרונקען געוואָרען. נאַטירליך, דאָס איז געווען שלעכט, אָבער דאָס איז געווען דיא איינציגע רעטונג, און עס איז בעסער גאָרניט צו דערמאָנען וועגען דיא דאָזיגע שרעקליכע איינצעלהייטען.

„איך האָב אונפערמיידליך געמאַכט דעם דאָזיגען מענשען אונגליקליך — האָט זיא געטראַכט אַלס אַ בערוהיגונג — אָבער איך וויל זיך דאָך ניט בענוצען מיט דעם אונגליק. איך וויל אויך ליידען און וועל ליידען: איך האָב אָנגעוואָרען דאָס, וואָס איז פאַר מיר טהייערער פון אַלעס געווען — איך האָב פערלאָרען מיין עהרליכען נאָמען און מיין זוהן. איך האָב געהאַנדעלט פערדאָרבען און דאַרום וויל איך קיין גליק ניט, וויל קיין גט ניט און וועל ליידען דיא יסורים פון שאַנדע און פון זיין געשיעדען פון מיין זוהן“. אָבער וויא אויפריכטיג אננאַ האָט ניט געוועלט ליידען אום ניט הנאה צו האָבען פון דעם אונגליק וואָס זיא האָט געבראַכט אויף איהר מאַן, האָט זיא דאָך ניט געליטען. קיין שאַנדע איז ניט געווען. זיי האָבען זיך אַזוי טאַקטיש געפיהרט אין אויסלאַנד, אַז זיי איז קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו זיין אין אַ פאַלשער לאַגע. איהר געשיעדען זיין פון איהר קינד האָט איהר אויך דער ערשטער צייט אויך ניט פערשאַפט קיין יסורים. דאָס מיידעלע, ז י י ן קינד, איז געווען אַזוי ליעבליך און האָט אַזוי צוגעבונדען צו זיך אננאַן פון דאַן אָן, זינט ביי איהר איז געבליבען בלויז דאָס מיידעלע, אַז אננאַ האָט זעלטען עראינערט זיך וועגען זוהן.

דיא פאָדערונג צו לעבען, וועלכע איז פאַרגרעסערט געוואָרען דורך איהר געזונד ווערען איז געווען אַזוי שטאַרק און דיא לעבענס־אומשטענדען זיינען געווען אַזוי נייע און אַנגענעהם, אַז אננאַ האָט זיך געפיהלט אונפערצייהליך גליקליך. וואָס מעהר זיא האָט געלערענט צו קענען ווראָנסקין אַלץ ליעבער האָט זיא איהם בעקומען. זיא האָט איהם געליעבט פאַר איהם גופא און פאַר זיין ליעבע צו איהר. זיין אויסזעהען, וועלכעס האָט זיך געענדערט אין ציווילנע קליידער, איז פאַר איהר געווען אַנציהענד, וויא פאַר אַ יונגער פערליעבטער. אין אַלעס וואָס ער האָט גערעדט, געטראַכט און געטאָהן, האָט זיא געזעהען עפּעס אַ בעזונדער אַדעלקייט און עפּעס העכערעס. איהר ענטציקונג פון איהם האָט צײַט געשראָקען זיא גופא · זיא האָט געזוכט און האָט אין איהם ניט געפונען קיין איין זאַך וואָס זאָל זיין ניט שעהן. און זיא האָט איצט פאַר קיין זאַך אַזוי ניט מורא געהאַט וויא דערפאַר, וואָס זיא זאָל חס וחלילה ניט פאַרלירען זיין ליעבע. ער, וועלכער האָט לויט איהר מיינונג געהאַט אַלע פעהיגקייטען פאַר רעגיערונגס־טהעטיגקייט, און האָט

# אננא קארענינא

מיט דער צייט גערארפט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע — ער האָט געאַפּפּערט מיט זיין ערהרענ־ליעבע פון איהרט וועגען און האָט איהר דאָס קיין מאָהל ניט געלאָזט פיהלען, און ניט געוויזען קיין איין צייכען פון פערדרוס. און זיא האָט דאָס ניט געקאָנט ניט אבשעצען, אָבוואָהל דאָס גופא איז פאַר איהר געווען עפּעס וויא א משא.

ווראָנסקי איז אָבער אין דערזעלבער צייט ניט געווען פאָלשטענדיג גליק־ליך ניט קוקענדיג דערויף וואָס עס האָט זיך פערווירקליכט אַלעס דאָס, וואָס ער האָט אזוי לאַנג באַגעהרט. ער האָט אין גיכען דערפיהלט, אַז דיא פערווירקליכונג פון זיינע באַגעהרען, האָט איהם געגעבען בלויז איין זאמד־קערענדעל פון דעם גאַנצען בארג גליק, וועלכען ער האָט ערוואַרטעט. דיא דאָזיגע פערווירקילכונג האָט איהם געוויזען יענעם אויבען טעות, וועלכען מענשען מאַכען, ווען זיי שטעלען זיך פאַר דעם גליק פון דער פערווירקליכונג פון זייערע ווינשונגען. ער האָט אין גיכען דערפיהלט, אַז ביי איהם אין הארצען האָט זיך ערוועקט אַ נייעס געפיהל — ביינקשאפט. זעכצעהן שטונדען פון טאָג איז פאַר איהם נויטווענדיג געווען אָנ־צוכאַפּען זיך פאַר וואָס ניט איז, באַשעפטיגען זיך מיט עפּעס, אַזוי וויא זיי האָ־בען אין אויסלאַנד געלעבט אין פאָלשטענדיגער פרייהייט, אויסערהאַלב דעם קרייז פון יענע אומשטענדען, וועלכע האָבען פערנומען זיין צייט אין פּעטערסבורג. ווע־גען דיא תענוגים פון אונפערהייראַטהען לעבען, וועלכע האָבען אין דיא פריהער־דיגע נסיעות אין אויסלאַנד, בעפריעדיגט ווראָנסקין איז דאָך איצט גאָר ניט געווען וואָס צו טראַכטען, ווארום בלויז דער פערזוך פאַר עפּעס אַזעלכעס האָט גע־מאַכט אויף אננאַן אַן אונערוואַרטעטע און זעהר אַ טרויעריגע ווירקונג. פערבינ־דונגען מיט דער לאָקאַלער געזעלשאַפט אָדער רוסישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך דאָרט איינגעפונען, איז אויך אונמעגליך געווען איבער זייער אונבעשטימטער לאַגע. בעקוקען דיא מערקווירדיגקייטען פון אויסלאַנד, האָט פאַר איהם אלס פאַר אַ רוסישען און קלוגען מענשען, ניט געהאַט דיא אנציהונג און דיא בע־דייטונג, וועלכע ענגלענדער זיינען בריות צוצושרייבען צו דיא דאָזיגע בעריהמטע זאַכען.

און וויא אַ הונגעריגע חיה, וואָס כאַפּט יעדע זאַך, אויף וועלכער זיא שטויסט זיך אָן, האָפּענדיג געפינען דעריין נאַהרונג, אַזוי האָט זיך ווראָנסקי גאַנץ אונבעוואוסט אַ כאַפּ געטאָהן פאַר פּאָליטיק, פאַר נייע ביכער, פאַר בילדער, אבי אָנצוכאַפּען זיך פאַר עפּעס. אַזוי וויא אין דער יוגענד האָט ער געהאַט אָנ־לאַגען צו מאָהלעריי, האָט ער אָנגעהויבען באַשעפטיגען זיך דערמיט און האָט דעריין אריינגעטאָהן דעם גאַנצען זאַפּאַס פון זיינע פאָדערונגען, וועלכע האָבען געדאַרפט בעפריעדיגט ווערען.

ער האָט געהאַט דיא פעהיגקייט צו פאַרשטעהן קונסט און אַזוי וויא ער האָט ניט געהאַט אויף וואָס צו פאַרשווענדען זיין געלד, האָט ער אָנגעהויבען צו קויפען גראַווירען און קויפענדיג גראַווירען האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף בילדער. ער האָט געדיינקט, אַז אין איהם איז פאַראַן דאָס וואָס עס דאַרף זיין אין אַ קינסטלער, און דיינקענדיג וואָס פאַר אַ מין מאָהלעריי ער זאָל פאַר זיך אויסקלייבען צו פּרובירען זיין טאַלאַנט: רעליגיעזע, היסטאָרישע אָדער רעאַלים־

טישע, האט ער זיך גענומען פאר מאהלען. ער האט פערשטאנען אלע מינים און האט זיך געקאנט בעגייכטערן פאר איינע וויא פאר דאס אנדערע, ער האט זיך אבער ניט געקאנט פארשטעלען, אז מען זאל זיך קאנען בעגייסטערן פאר דאס, וואס עס איז פאראן ביי זיך אין דער נשמה, ניט וויסענדיג וועלכע מינים מאהלעריי עס זיינען פאראן און צו וועלכען מין א געוויסע מאהלעריי וועט בעלאנגען. אזוי וויא ער האט זיך ניט בעגייכטערט אונמיטעלבאר מיט'ן לעבען גופא, נור מיט דעם לעבען וועלכער איז שוין פארקערפערט אין קונסט, דארום האט ער זיך בעגייסטערט זעהר שנעל און לייכט ערדייכט, אז דאס וואס ער האט געמאהלט איז געוועזן עהנליך צו יענעם מין קונסט, וועלכער ער האט געוועלט נאכאהמען.

בעסער פון אלע שוהלען פון קונסט איז איהם געפעל'ען געוועזן דיא פראנצויזישע שוהל, גראציע און עפעקט, און אויף דעם אופן האט ער אנגעהויבען מאהלען א פארטרעט פון אננא אין אן איטאליענישען קאסטיום, און דער דאזיגער פארטרעט האט אויסגעוויזען פאר איהם און פאר אלעמען, ווער עס האט איהם געזעהען, אלס זעהר געלונגען.

9.

דער אלטער, פערלאזענער פאלאצצא מיט פרעסקא־מאהלעריי אויף דיא וואנד, מיט דיא מאזאאיקא־דילען, מיט דיא שווערע, געלע שטאף־גארדינען אויף דיא הויכע פענסטער, מיט דיא וואזען אויף זיילען און אויף דיא קאמינס, מיט דיא געשניצטע טיהרען און דונקעלע זאלען, בעהאנגענע מיט בילדער — דער דאזיגער פאלאצצא האט מיט זיין אויסערליכקייט אליין שוין אויפגעהאלטען אין ווראנסקין דעם אנגענעהמען טעות, אז ער איז ניט אזוי פיעל א רוסישער גוטבעזיצער, א שטאלמייסטער אהן אן אמט, וויפיעל ער איז א ליעבהאבער און בעשיצער פון קונכט; און אליין — איז ער א קינסטלער, וועלכער האט זיך צוריקגעצויגען פון דער וועלט, פון פערבינדונגען, פון גרויס כבוד אלץ צוליעב דער געליעבטער פרויענצימער.

ער האט געמאלט אונטער דער לייטונג פון אן איטאליענישען פראפעסאר פון מאהלעריי עטיודען פון דער נאטור און האט זיך בעשעפטיגט מיט דעם איטאליענישען לעבען פון דיא מיטעלע יאהרהונדערטע. דאס לעבען פון דיא מיטעלע יאהרהונדערטע האט אזוי בעצויבערט ווראנסקין אז ער האט זאגאר זיין הוט און דעם פלעד אויפ'ן אקסעל אנגעהויבען צו טראגען וויא אין דיא מיטעלע יאהרהונדערטע, וואס איהם האט זעהר געקליידט.

— און מיר לעבען און ווייסען פון קיין זאך ניט — האט ווראנסקי איין מאל א זאג געטאהן גאלענישטשעווען, וועלכער איז געקומען צו איהם צו בעזוך איין פריהמארגען — האסט דוא געזעהען מיכאילאוו'ס בילד? — האט ער גע־

זאָגט דערלאַנגענדיג איהם אַ רוסישע צייטונג, וועלכע ער האָט נור וואָס ער־האַלטען און אָנווייזענדיג אויף אַן אַרטיקעל וועגען דעם רוסישען מאַהלער, וועל־כער האָט געוואָהנט אין דערזעלבער שטאָדט און האָט געענדיגט אַ בילד, וועגען וועלכען עס זיינען שוין לאַנג געווען קלאַנגען און וועלכען מען האָט אָבגעקויפט נאָך איידער עס איז געווען פאַרטיג. אין דעם אַרטיקעל זיינען געמאַכט געוואָרען פאָרווירפע דער רעגיערונג און דער אַקאַדעמיע פאַר וואָס דער מערקווירדיגער מאַהלער האָט ניט געהאַט קיין הילף און קיין אנערקענונג.

— איך האָב געזעהען — האָט געענטפערט גאָלענישטשעוו — געוויס, איהם פעהלט ניט קיין טאַלאַנט, אָבער דיא ריכטונג זיינע איז אין גאַנצען פאַלש, אַלץ דיעזעלביגע איוואַנאָוו־שטראוס־רענאַנישע אנשויאונג אויף קריסטוס און אויף רעליגיעזער מאַהלעריי.

— וואָס שטעלט פאָר דאָס בילד? — האָט אַ פרעג געטאָהן אננא.

— קריסטוס בעפאָר פּילאַטוס'ען. קריסטוס איז פאָרגעשטעלט אַלס אַ איד מיט דעם גאַנצען רעאַליזם פון דער נייער שוהלע. איך פאַרשטעה ניט וויא אזוי זיי קאָנען מאַכען אַזאַ גראָבען טעות. קריסטוס האָט שוין זיין בעשטימטע פער־קערפערונג אין דער קונסט פון דיא גרויסע אַלטע מייסטערס. הייסט עס, אז ווען זיי ווילען שילדערען ניט גאָט, נור אַ רעוואָלוציאָנער אָדער אַ חכם, זאָלען זיי נעהמען פון דער געשיכטע סאָקראַטעסען, פרענקלינען, שאַרלאָטע קאָרדעי, אָבער ניט קריסטוס. זיי נעהמען דוקא דיא פּערזאָן, וועלכע קאָן ניט גענומען ווערן פאַר דער קונסט, און דערנאָך....

— איז דאָס אמת, אז דער דאָזיגער מיכאַילאָוו איז אַן אָרעמאַן? — האָט אַ פרעג געטאָהן ווראָנסקי, טראַכטענדיג דאָס ער, אַלס רוסישער מעצענאַט דאַרף העלפען דעם קינסטלער גאַנץ עגאַל אויב זיין בילד איז טאַקע אַזוי גוט אָדער ניט.

— איך דיינק ניט. ער איז אַ מערקווירדיגער פּאָרטרעטיסט. האָט איהר גע־זעהען זיין פּאָרטרעט פון וואַסילטשיקאָווא? אָבער ער וויל דוכט זיך מעהר ניט באַשעפטיגען זיך מיט מאָהלען פּאָרטרעטען, און דאַרום קאָן מעגליך זיין, אַז ער איז טאַקע אין נויט. איך זאָג, אַז...

— קאָן מען איהם אפשר אַ בעט טאָהן, ער זאָל מאַכען אַ פּאָרטרעט פון אננא ארקאַדיעוונא? — האָט געזאָגט ווראָנסקי.

— פאַר וואָס עפּעס מיין פּאָרטרעט? — האָט געזאָגט אננא — נאָך דיין פּאָרטרעט וויל איך דערנאָך קיין אַנדער פּאָרטרעט ניט. זאָל ער בעסער מאָהלען אַ פּאָרטרעט פון אני (אזוי האָט זיא גערופען איהר מיידעלע) און אָט איז זיא — האָט זיא צוגעלייגט אַרויסקוקענדיג פון פענסטער אויף דער שעהנער איטאַליעני־שער אם, וועלכע האָט ארויסגעטראָגען דאָס קינד אין גאַרטען, און זיא האָט זיך גלייך אומגעקוקט צו ווראָנסקין. דיא שעהנע אם, פון וועלכער ווראָנסקי האָט גע־מאָלט אַ פּאָרטרעט פון איהר קאָפּ, איז געווען אננאַס איינציגער פערדרוס. ווען ווראָנסקי האָט געמאָלט דיא אם'ס פּאָרטרעט, האָט ער הנאה געהאַט פון איהר שעהנהייט, און איבער דעם איז ער געווען צו גוט צו איהר און צו איהר קליינעם זוהן.

# אננא קארעינא

ווראנסקי האָט אויף א קוק געטאָהן אין פענסטער און אין אננאס אויגען און ווענדענדיג זיך באלד צו גאלענישטשעווען האָט ער געזאָגט:

— און דוא קענסט דעם מיכאילאָווען?

— איך האָב איהם בעגעגענט. ער איז אָבער א משונה׳דיגער מענש און אונגעבילדעט. איהר ווייסט, איינער פון דיא ווילדע, נייע מענשען, וועלכע מען בעגעגענט איצט אזוי אָפט — אָט פון דיא פריידענקער, אפיקורסים און מאטעריאליסטען. פריהער איז א פריידיינקער געווען א מענש, וועלכער איז געווען ערצויגען אין דיא בעגריעפע פון רעליגיאָן, געזעץ, מאָראל, און האָט זיך אליין דורך קאמפף און מאטערנעס דורכגעארבייט צו זיינע פרייע געדאנקען, אָבער איצט ערשיינט גאָר א נייער טיפּ פון אליין־געבאָרענע אפיקורסים. זיי וואקסען אויס גאָר ניט וויסענדיג אפילו, אז עס האָבען עקזיסטירט מאָראל־געזעצע, רעליגיאָן, און אז עס זיינען געווען אויטאָריטעטען; זיי וואקסען אויס שוין אין דיא פארטיגע בעגריעפע פון לייקענען אלעס, ד. ה. ווילדע. אזא איז ער אויך. ער איז, דוכט זיך, א זוהן פון א מאָסקווער אבער־לאקיי און האָט ניט ערהאלטען קיין ערציהונג און קיין בילדונג. ווען ער איז אָנגעקומען אין אקאדעמיע און האָט בעקומען א רעפּוטאציע, האָט ער, אלס ניט קיין נאר, געוועלט אָנהויבען בילדען זיך. און ער האָט זיך געווענדעט אהין, וואו איהם האָט זיך געדוכט ער געפינט א קוואל פון בילדונג — ער האָט זיך געווענדעט צו זשורנאליסטען. און, איהר פארשטעהט דאָך, אין דיא אמאָליגע יאָהרען, ווען א מענש האָט געוואָלט געניסען בילדונג, וואָלט ער אנהויבען לערנען אלע קלאסיקער: אין רעליגיאָנס־לעהרע, היסטאָריקער, טראגיקער, פילאָזאָפען, דיא גאנצע גייסטיגע ארבייט, וואָס איז געשאפען געוואָרען פריהער פאר איהם. אָבער איצט ביי אונז איז ער גלייך אריינגעפאלען אין דער אָבלייקענונגס ליטעראטור, האָט זיך אָנגעאייגענט דעם גאנצען תמצית פון דער אָבלייקענונגס וויסענשאפט און ער איז פארטיג. דאָס איז נאָך ניט אלעס, מיט א יאָהר צוואנציג צוריק וואָלט ער געפינען אין דער דאָזיגער ליטעראטור דיא סימנים פון קאמפף געגען דיא אויטאָריטעטען און ער וואָלט פון דעם קאמפף פארשטעהן, א. עס איז אמאָל געווען עפּעס אנדערעס; אָבער איצט טרעפט ער גלייך אזא ליטעראטור, אין וועלכער מען בעעהרט ניט דיא אלטע אויטאָריטעטען אפילו מיט האמפערן זיך געגען זייערע אלטע אנזיכטען, נור מען זאָגט גלייך: קיין זאך איז ניטאָ, עוואָלוציאָן, אנפּאסונג, קאמפף אום׳ס דאזיין — דאָס איז אלעס. איך האָב אין מיין ארטיקעל....

— ווייסט איהר וואָס? — האָט געזאָגט אננא, וועלכע האָט זיך שוין לאנג איבערגעקוקט מיט ווראנסקין און האָט געוואוסט אז ווראנסקין אינטערעסירט ניט דעם מאהלערס בילדונג — ווייסט איהר וואָס. לאָמיר גאָר אריבערפאָהרען צו איהם!

גאלענישטשעוו האָט גערן איינגעשטימט. אזוי אָבער וויא דער מאהלער האָט געוואָהנט אין א וויטען קווארטאל איז אויסגעקומען צו פאָהרען.

דער מאהלער מיכאילאוו איז וויא אימער, געזעסען ביי דער ארבייט, ווען מען האָט איהם אריינגעטראָגען דיא וויזיט־קארטעס פון גראף ווראנסקי און גאלענישטשעוו. ער האָט אין דער פריה געארבייט אין סטודיא אויף א גרויסען בילד. ווען ער איז געקומען אהיים איז ער געוואָרען אויפגעבראכט אויף זיין פרוי פאר וואָס

זיא האָט ניט געוואוסט וויא צו בעגעהן זיך מיט דער ווירטהין פון קווארטיר, וועל־כע האָט געפאָדערט געלד.

— שוין אמאָל צוואנציג האָב איך דיר געזאָגט, גאָה מיט איהר ניט אריין אין לאנגע ערקלערונגען. דוא ביסט אַזוי אויך דום, און ווען דוא זאָלסט נאָך אָנהויבען מאַכען ערקלערונגען אין איטאליעניש וועסט דוא זיין דרייפאך דום — האָט ער געזאָגט נאָך לאנגער האמפעריי מיט זיין פרוי.

— דארפסט דוא ניט פערציהען אויף לאנג, איך בין ניט שולדיג. ווען איך וואָלט געהאט געלד...

— לאָז מיך צורוה, אום גאָטעס ווילען! — האָט מיט טהרערען אין שטימע א געשריי געטאָהן מיכאילאוו און פארשטאָפענדיג דיא אויערן איז ער אוועק צו זיך אין צימער און האָט פערמאַכט הינטער זיך דיא טהיר און ער האָט זיך גענומען פאר דער ארבייט.

ער האָט נאָך קיין מאָהל מיט אזא היץ ניט געארבייט, וויא דאן ווען איהם איז געגאנגען שלעכט אין לעבען און בעזונדער נאָך ווען ער האָט זיך צוקריגט מיט דער ווייב.

„אך, א מפלה זאָל דאס כאפען!“ האָט ער געטראַכט, פאַרטזעצענדיג דיא ארבייט. ער האָט געמאַכט א צייכנונג פאר דער פיגור פון א מענשען, וועלכער געפינט זיך אין אן אָנפאל פון צאָרן. דיא צייכנונג איז שוין געמאַכט געוואָרען פריה־ער, ער איז אָבער ניט געווען צופריעדען מיט איהר. ער האָט זיך א כאפ גע־טאָהן דערנאָך: „ניין, יענע צייכנונג איז שוין געווען בעסער!... וואו איז יע־נע?“ און ער איז אריינגעגאנגען צו דער פרוי און ניט קוקענדיג אויף איהר האָט ער א פרעג געמאָהן ביי דעם עלטערען מיידעל, וואו איז דאָס שטיקעל פא־פיער וואָס ער האָט איהר פריהער געגעבען. דאָס שטיקעל פאפיער מיט דער צייכע־נונג איז געווען פארשמירט און פארטריפט מיט חלב. ער האָט פון דעסטוועגען גע־נומען דיא פארשמירטע צייכנונג, האָט אוועקגעלייגט צו זיך אויפ׳ן טיש, האָט פערקוועטשט דיא אייגען און זיך גענומען איינקוקען. פלוצלונג האָט ער א געשריי געטאָהן און א מאַך געטאָהן מיט דער האנד.

— אזוי, אזוי! — האָט ער גערעדט צו זיך און האָט גלייך א נעהם גע־טאָהן דעם בלייפעדער און אָנגעהויבען שנעל צייכנען. דער פלעק פון דיא חלב האָט צוגעגעבען דעם מאַן א נייע פאָזע. ער האָט געשילדערט דיא נייע פאָזע, און פלוצלונג האָט ער זיך דערמאָהנט דיא אונטערבאַק פון דעם ענערגישען פנים פון א הענד־לער, ביי וועלכען ער פלעגט קויפען סיגארען און ער האָט געצייכענט דעם דאָזיגען פנים, דיא דאָזיגע אונטערבאַק. ער האָט זיך צולאַכט פון פרייד. דיא פיגור איז פון טויט לעבעדיג געוואָרען; זיא איז געווען קלאָהר און בעשטימט. יעדער נייער שטריך האָט שטארקער ארויסגעשטעלט דיא פיגור אין איהר גאנצער ענערגישער קראַפט, אזוי וויא זיא איז פאר איהם פלוצלונג ערשיענען איבער דעם חלב׳נעם פלעק, וואָס איז געווען אויפ׳ן פאפיער. ער האָט פאָרזיכטיג געהאַלטען אין ענדי־גען דיא פיגור, ווען מען האָט איהם אריינגעטראָגען דיא וויזיט־קארטעס.

— באלד! באלד!

ער איז אוועק צו דער פרוי.

— נו, הער אויף סאשא, זיי ניט בייז! — האָט ער איהר געזאָגט מילד שמייכלענדיג. — ביסט דוא שולדיג געווען, בין איך שולדיג געווען. איך וועל דאָס אַלעס איינאָרדנען.

און שליסענדיג שלום מיט דער פרוי האָט ער אָנגעטאָהן זיין מאַנטעל מיט'ן זאַמעטענעם קראַגען און הוט און איז אַוועק אין סטודיא. ער האָט וועגען דער געלונגענער פיגור שוין אין גאַנצען פערגעסען. איצט האָט ער זיך געפרעהט, וואָס זיין סטודיא ווערט בעזוכט פון וויכטיגע רוססען, וועלכע זי נען געקומען צו פאָהרען אין א קאַליאַס.

וועגען זיין בילד, וועלכע איז איצט געשטאַנען אויף דער מאָהלברעט, איז ער אַליין געווען טיעף איבערצייגט, אַז אַזאַ בילד האָט נאָך קיין מאָהל קיינער ניט געשאַפען. ער האָט ניט געמיינט, אַז זיין בילד איז בעסער פון אַלע ראַפאַעלישע בילדער, ער האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס וואָס ער האָט געוואָלט ארויסגעבען אין דעם דאָזיגען בילד, האָט נאָך קיינער קיין מאָהל ניט ארויסגעגעבען. דאָס האָט ער געוואוסט אויף זיכער און געוואוסט שוין פון לאַנג, גלייך וויא ער האָט זיך גענומען צו מאָהלען דאָס דאָזיגע בילד; אָבער דיא מיינונג פון מענשען האָבען דאָך געהאַט פאַר איהם אַ גרויסע בעדייטונג און דאָס האָט איהם בעאונרוהיגט. יעדע בעמערקונג וואָס מען האָט געמאַכט, אפילו דיא קלענסטע, וועלכע האָט געוויזען אַז דיא ריכטער־מבינים זעהען אין איהר ווייניגסטען א קליינעם טהייל פון דאָס וואָס ער האָט אין דעם בילד געזעהען, האָט איהם געריהרט טיעף אין האַרצען.

מיט שנעלע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו זיין סטודיא און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז געווען צוטראָגען, האָט דיא מילד־בעלויכטענע פיגור פון אַננאַ, וועלכע איז געשטאַנען אין שאטען פון'ם צופאָדער און האָט זיך צוגעהערט צו דיא רייד פון גאָלענישטשעווען, וועלכער האָט זיך עפּעס זעהר געהיצט, איהם גלייך איבערראַשט. ער האָט גאָר אַליין ניט בעמערקט וויא ער האָט אַראָבגעכאַפּט און איינגעשלונגען דעם איינדרוק וויא דיא אונטערבאַק פון דעם סיגאַרען־הענדלער, און האָט דעם איינדרוק בעהאַלטען ערגעץ, פון וואַנען ער וועט איהם ארויסנעהמען, ווען עס וועט נויטיג זיין. דיא בעזוכער, וועלכע זיינען שוין פריהער געווען ענטטוישט פון דעם מאהלער פון וואָס גאָלענישטשעוו האָט זיי דערצעהלט זיינען איצט נאָך מעהר ענטטוישט געוואָרען.

—איך בעט אייך געפעליגסט — האָט דער מאהלער געזאָגט זוכענדיג צו ווייזען זיך גלייכגילטיג און אריינגעהענדיג אין פאָרהויז, האָט ער ארויסגענומען פון קעשינע א שליסעל און האָט געעפענט דיא טיהר.

## .11

ארייננקומענדיג אין סטודיא האט דער מאהלער ווידער בעקוקט דיא געמעלדע און האט אבגעצייכענט אין זיין פארשטעלונג אויף דעם אויסדרוק פון ווראנסקי'ס פנים. ניט קוקענדיג דערויף וואס זיין קינסטלערישע פארשטעלונג האט געארבייט זאמלענדיג מאטעריאל פון דיא נייע פנים'ער, ניט קוקענדיג דערויף וואס ער איז אונרוהיגער געווארען, וואס נעהנטער עס איז געקומען דיא מינוט, ווען ער וועט דערהערען מבינות וועגען זיין בילד, האט ער פון דעסטוועגען אין דערזעלבער צייט געפאסט א בעגריעף וועגען דיא דריי פערזאן. יענער (גאלענישטשעוו) איז געוועזען א היגער א רוסישער. ער האט געדיינקט זיין פנים אז ער האט איהם שוין בעגעגענט, וויא ער פלעגט געדיינקען יעדען פנים, וועלכען ער האט וועז ניט איז געזעהען; ער האט אפילו גערדיינקט, אז דאס איז איינער פון יענע פנים'ער, וועלכע זיינען אין זיין פארשטעלונג בעצייכענט אלס פאלש־בעדייטענדע מיט אן ארעמען אויסדרוק. ווראנסקי און קארענינא זיינען לויט מיכאילאווס מיינונגען געוועזען א פנים בעוואוסטע רוסישע רייכע לייט, וועלכע האבען אין קונסט גאר נישט פערשטאנען, וויא דיא אלע רייכע רוסישע, וועלכע מאכען זיך וויא זיי וואלטען פארשטעהען און אבשעצען. „זיי האבען שוין מסתמא בעקוקט אלע אלטע און זיינען איצט געקומען בעקוקען דיא סטודיא'ס פון דיא נייע, פון דעם שארלאטען דעם דייטשען, פון דעם פרע־ראפאעליט דעם ענגלענדער, און צו מיר זיינען זיי געקומען בלויז אום אויסצופילען דיא איבעריגע בעאבאכטונג, האט ער זיך געטראכט.

ער האט זעהר גוט געקענט דיא מאניערען פון דילעטאנטען (וואס קליגער זיי זיינען געוועזען אלץ ערגער) זיי בעקוקען דיא סטודיא'ס פון דיא מאדערנע קינסטלער מעהר ניט צוליעב ־עם, כדי זיי זאלען האבען דאס רעכט צו זאגען, אז דיא קונסט איז געזונקען און אז וואס מעהר דוא קוקסט אויף דיא נייע, אלץ מעהר קומסט דוא צו דער איבערצייגונג וויא אונמעגליך עס איז נאכצואהמען דער שאפונגס־קראפט פון דיא אלטע גרויסע מייסטערס. ניט קוקענדיג דערויף פון דעסט וועגען האט ער געפיהלט א שטארקע אונרוהיגקייט, ווען ער האט פאר זיי געוויזען זיינע פערשיעדענע עטיודען און ווען ער האט אויפגעהויבען דיא שטארען און אבגעדעקט דעם ליילעך פון זיין גרויסעם בילד; ער האט נאך געפיהלט נערוועז, דיינקענדיג אז ניט קוקענדיג דערויף וואס אלע רוסישע רייכע זיינען פיה און זיינען דום, איז אבער גראדע ווראנסקי און בעזונדער נאך אננא איהם געפעלען געווארען. ,

— דא, אויב איהר ווילט זיך בעמיהען ? — האט ער געזאגט געהענדיג מיט זיין קאטשענדיגען גאנג און אנווייזענדיג אין דער זייט אויפ'ן בילד. דאס איז דיא איינריידונג פאר פילאטוס, פון מאטיוס קאפיטעל 27 — האט ער גע־

זאָגט פיהלענדיג אז זיינע ליפּען ציטערן פון אויפרעגונג. ער האָט אָבגעטראָטען און איז געבליבען שטעהן הינטער זיי.

אין דיא איינינע מינוט וואָס דיא בעזוכער האָבען געקוקט אויפ'ן בילד, האָט מיכאילאוו אויך געקוקט אויפ'ן בילד וויא א מענש פון דער זייט. אין דיא דאָזיגע עטליכע זעקונדען האָט זיך איהם געדוכט, אז דיא אמת'ע און העכסטע מבינות וועט ארויסגעזאָגט ווערן פון דיא דאָזיגע בעזוכער, וועלכע ער האָט בעטראכט מיט פעראַכטונג מיט א מינוט פריהער. ער האָט פארגעסען אלעס וואָס ער האָט פריהער געטראַכט וועגען דעם בילד אין דיא גאַנצע דריי יאָהר וואָס ער האָט איהם געמאָלט.

ער האָט זיך אין דער מינוט פערגעסען אויף אַלע מעלות, וועלכע זיינען פאַר איהם געווען אונצווייפעלהאַפט — ער האָט בלויז געקוקט אויפ'ן בילד מיט זייער גלייכגילטיגען, זייטיגען בליק, מיט א נייעם בליק און האָט אין בילד קיין גוטעס ניט געזעהען. ער האָט געזעהען אויף דעם ערשטען פּלאַן דעם פערדריסליכען פּנים פון פּילאטוס און דעם רוהיגען פּנים פון כריסטוס, און אויף דעם צווייטען פּלאַן פּילאטוס'עס דינער, און וויא אויף דער גאנצער פּאסירונג קוקט יאָהאַנס פּנים.

יעדען פון דיא דאָזיגע פּנים'ער פון בילד, וועלכע ער האָט אזוי געזוכט ארויסצובריינגען, וועלכע זיינען מיט אזעלכע טעות'ן און פאררּיכטונגען ארויסגעוואַקסען ביי איהם מיט א בעזונדער כאַראַקטער; יעדער פּנים, וועלכער האָט איהם געבראַכט אזוי פיעל פרייד, אַלע שאַטירונגען פון די קאָלירען און טענער, וואָס איז איהם אָנגעקומען מיט אזוי פיעל מיה — דאָס אלעס צוזאַמענגענומען האָט פאַר איהם איצט אויסגעזעהען אלס ביליג, געוועהנליך, שוין טויזענד מאָל ווידערהאָלטעס, ווען ער האָט געקוקט מיט זייערע אויגען. ער האָט געזעהען גוט געמאָהלטע בילדער, ווידערהאָלונגען אָהן א שיעור פון ראפאעלס קריסטוס, טיציאַנס, רובענס'ס און אויך דיזעלביגע פּילאטוס'ס קריגער. דאָס אלעס איז געווען אָרעם, אלט, ביליג און אפילו שלעכט געמאָלט — בונט און שוואַך. זיי וועלען גערעכט זיין, וועלען זאָגען פאַרשטעלטע, העפליכע רייד אין דער אַנוועזענהייט פון דעם מאַהלער אליין און וועלען איהם בעדויערן און וועלען זיך אויסלאַכען ווען זיי וועלען זיין אליין.

דאָס שווייגען איז פאַר איהם געוואָרען צו שווער, אָבוואָהל עס האָט מעהר ניט געדויערט פון א מינוט. אום איבערצורייסען דאָס שווייגען און ווייזען אז ער איז פאָלשטענדיג רוהיג, האָט ער געמאַכט אן אָנשטריינגונג אויף זיך און האָט זיך א ווענד געטאָהן צו גאָלענישטשעווען:

— איך האָב דוכט זיך געהאַט דעם פערגעניגען צו טרעפען זיך — האָט ער איהם געזאָגט אומקוקענדיג זיך אונרוהיג דאָס אויף אננא'ן, דאָס אויף וורָאנסקין אום ניט צו פערלירען קיין איין שטריך פון דעם אויסדרוק פון זייערע פּנים'ער.

— וויא דען? מיר האָבען זיך געטראָפען ביי ראססי, געדיינקט איהר ווען דיא איטאַליענישע פריילײן האָט דעקלאמירט, דיא נייע ראשעל — האָט געזאָגט גאלענישטשעוו, וועלכער האָט גאַנץ רוהיג אָבגעקעהרט דיא אויגען פון בילד און געענטפערט דעם מאַהלער.

# אננא קארעינא

בעמערקענדיג אָבער, אז מיכאילאָוו ערוואַרט א מיינונג וועגן דעם בילד, האָט ער געזאָגט:

— אייער בילד האָט זיך ווייט א רוק געטאָהן זינט דער צייט, וואָס איך האָב איהם דאָס לעצטע מאָהל געזעהען. און וויא דאַן אזוי איצט איבערראַשט מיך דיא פיגור פון פילאַטוס. אזוי פאַרשטעהט מען דעם מענשען א גוטען, וואוילען יונג, אָבער א בעאַמטער ביז דער טיעפענעס פון זיין נשמה, וועלכער וויים אַליין ניט וואָס ער טהוט אזוינס. אָבער מיר שיינט....

דער גאַנצער בעוועגליכער פנים פון דעם מאהלער האָט פּלוצלונג א שיין געטאָהן: דיא אויגען האָבען אויפגעלויכטען. ער האָט געוועלט וואָס זאָגען, אָבער פון אויפרעגונג האָט ער גאָרנישט געקאָנט ארויסריידען און האָט זיך געמאַכט וויא ער וואָלט זיך בלויז וועלען אָבהוסטען. וויא וויניג ער האָט געשעצט גאלענישטשעווען אַלס א מבין, וויא אונבעדייטענד עס איז געוועזן צו ריידען איבער פילאַטוסען און ניט ריידען איבער דעם עיקר, פון דעסטוועגען איז מיכאילאָוו געוועזן ענטציקט פון אזא באַמערקונג. ער האָט אַליין געדיינקט וועגן דער פיגור פון פילאַטוס דאָסזעלבע וואָס גאלענישטשעוו האָט געזאָגט. דאָס וואָס דאָס איז בלויז איינער אַלס א טהייל פון א מאַסע געדאַנקען, וועלכע קאָנען געזאָגט ווערען וועגן בילד און אַלע זאָלען זיין ריכטיג, אין וואָס מיכאילאָוו איז זיכער, דאָס האָט ניט געשטערט מיכאילאָווען ליעב צו בעקומען גאלענישטשעווען פאַר אזא באַמערקונג אין פון זיין מרה־שחורה׳דיגען צושטאַנד איז ער שוין איבערגעגאַנגען צו ענטציקונג. גלייך האָט דאָס גאַנצע בילד אויפגעלעבט אין זיינע אויגען. מיכאילאָוו האָט ווידער געמאַכט א פּראָבע אָנצוהויבען ריידען, ער האָט געוואָלט זאָגען, אז אזוי האָט ער טאַקע אויפגעפאַסט פילאַטוסען. אָבער זיינע ליפּען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען און ער האָט ניט געקאָנט ריידען.

וורָאָנסקי און אננא האָבען אויך עפּעס גערעדט אין דער שטיל, מיט יענער שטילער שטימע, וועלכע זיי האָבען געברויכט טהיילוויז, אז מיכאילאָוו זאָל זיך ניט בעליידיגען און טהיילוויז אויס מורא ניט צו זאָגען א נארישקייט אין דער הויך, וואָס עס איז אזוי גרינג ווען מען רעדט וועגען קונסט. מיכאילאָווען האָט זיך אויסגעוויזען, אז דאָס בילד האָט אויף זיי געמאַכט אַן איינדרוק. ער איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— וויא וואונדערליך איז דער אויסדרוק פון קריסטוס׳ס פנים! — האָט געזאָגט אננא. פון אַלעם וואָס זיא האָט געזעהען האָט דאָס אויף איהר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק; זיא האָט דערפיהלט, אז דאָס איז דער מיטעלפּונקט פון בילד און דארום וועט אזא לויב אנגענעהם זיין דעם קינסטלער, — קענטיג, אז ער האָט רחמנות אויף פילאַטוסען.

דאָס איז ווידער געוועזן איינע פון יענע מיליאָנען געדאַנקען, וועלכע קאָנען געזאָגט ווערען וועגען בילד און וועגען דער פיגור פון קריסטוס. זיא האָט געזאָגט, אז ער האָט רחמנות אויף פילאַטוסען. אין דעם אויסדרוק פון קריסטוס דאַרף זיין דער אויסדרוק פון רחמנות, דערפאַר ווייל דעריין איז פאַראַן דער איינדרוק פון ליעבע, אונאירדישעם רוהיגקייט, פערטיג צום טויט און וויים אז ווערטער זיינען אומזיסט. געוויס, פילאַטוס דריקט אויס א בעאַמטען און קריסטוס

דריקט אויס רחמנות, ווארום איינער איז דיא פּערזאָניפיצירונג פון בשר־ודם׳ישען, און דער צווייטער איז דיא פּערזאָניפיצירונג פון גייסטיגען לעבען. דאָס אַלעס און נאָך פיעלעס איז דורכגעפלויגען אין מיכאַילאָוו׳ס געדאַנקען און זיין פּנים האָט ווידער געלויכטען אויס ענטציקונג.

— יא, און וויא דיא דאָזיגע פיגור איז געמאַכט געוואָרען, וויפיעל לופט. מען קאָן דאָך ארום איהר ארומגעהן — האָט געזאָגט גאַלענישטשעוו, קענטיג, צו ווייזען מיט אַזא בעמערקונג, אַז ער אַנערקענט ניט דעם אינהאַלט און דעם גע־דאַנק פון דער פיגור.

— יא, וואונדערליך מייסטערהאַפט! — האָט געזאָגט ווראָנסקי — וויא דיא דאָזיגע פיגורען אויף דעם הינטערשטען פּלאַן צייכענען זיך אויס! דאָס איז טעכניק! — האָט ער געזאָגט ווענדענדיג זיך צו גאַלענישטשעוון און דערמיט אָנצודייטען אויף אַ געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זיי, וואו ווראָנסקי איז געווען פערצווייפעלט, ווארום ער וועט קיין מאָל ניט ערווערבען זיך אין גאַנ־צען אַזא טעכניק.

— יא, יא, וואונדערליך! — האָבען ווידערהאָלט גאַלענישטשעוו און אננא..

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, פון דעסטוועגען האָט דיא בעמערקונג וועגען טעכניק אַ ראַיז געטאָהן זיין האַרץ, ער האָט בייז אַ קוק געטאָהן אויף ווראָנסקין און איז געוואָרען אָנגעבלאָזען. ער האָט אָפט געהערט דאָס וואָרט טעכניק און האָט ניט געוואוסט, וואָס מען וויל דערמיט זאָגען. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס דריקט אויס דיא מעכאַנישע פעי־היגקייט צו מאָהלען און צייכענען, וואָס איז גאַנץ אונאבהענגיג פון דעם אינ־האַלט. אָפט האָט ער בעמערקט, אַז דעם וואָרט טעכניק האָט מען געברויכט אַלס אַן אבלייקענונג פון׳ם אינערליכען ווערטה, אַזוי וויא מען וואָלט גוט געקאָנט מאָהלען דאָס וואָס איז שלעכט.

ער האָט געוואוסט, אַז עס פאָדערט זיך פיעל אויפמערקזאַמקייט און פאָר־זיכט, אָבער דאָס איז דיא קונסט צו מאָהלען — קיין טעכניק איז דאָ ניט גע־ווען. ווען פאַר אַ קליין קינד אָדער פאַר זיין קעכין זאָל זיך ענטפּלעקען דאָס וואָס עס ענטפּלעקט זיך פאַר איהם, וואָלט דאָס קינד אָדער דיא קעכין אויך געקאָנט אויסמאָהלען דאָס, וואָס זיי זעהען. און דער געניטסטער און פעהיגסטער מאָהלער־טעכניקער וואָלט מיט איין מעכאַנישע פעהיגקייט גאָר נישט געקאָנט אויפמאָהלען אויב פאַר איהם וואָלטען זיך פריהער ניט ענטפּלעקען דיא גרעניצען פון דעם אינהאַלט. אויסער דעם האָט ער געזעהען, אַז ווען מען זאָל ריידען וועגען טעכניק, איז איהם ניט געווען פאַר וואָס צו לויבען. אין אַלעס וואָס ער האָט געמאָהלען און אויסגעמאָהלט האָט ער געזעהען אַליין חסרונות וואָס האָבען איהם געשניטען דיא אויגען; דאָס זיינען געווען חסרונות איבער אונפאָרזיכטיגקייט, וואָס ער האָט שוין דערנאָך ניט געקאָנט פערריכטען סיידען איבערפיהרען דאָס בילד.

— איין זאַך וואָלט מען געקאָנט זאָגען, אויב איהר וועט ערלויבען צו מאַכען אַ בעמערקונג — האָט באַמערקט גאַלענישטשעוו.

— אך, איך בין זעהר גערן און איך בעט אייך — האָט געזאָגט מיכאילאָוו שמייכלענדיג פארשטעלטערהייט.

— דאָס וואָס ער איז ביי אייך אַ מענש־גאָט און ניט אַ גאָט־מענש. איבע־ריגענס וויים איך אַז איהר האָט דאָס אַזוי געוועלט.

— איך האָב ניט געקענט מאָהלען יענעם קריכטוס׳ען, וועלכער איז ניטאָ אין מיין נשמה — האָט געזאָגט טרויעריג מיכאילאָוו.

— יאָ, אָבער אין אַזאַ פאַל, אויב איהר וועט מיר ערלויבען ארויסצוזאָגען מיין געדאנק.... אייער בילד איז אַזוי גוט, אַז מיין באַמערקונג קאָן איהם ניט שאַדען, און דערצו איז דאָס מיין פּערזענליכע מיינונג. אייער מיינונג איז אַן אַנדערע. אייער מאָטיוו איז אין גאַנצען אַן אַנדערער. לאָמיר נעהמען איוואַנאָ־וון אפילו. איך גלויב אַז אויב קריסטוס זאָל זיין אַראָבגעלאָזען צו דער מדרגה פון אַ היסטאָרישער פּערזאָן, וואָלט פאַר איוואַנאָוון געווען בעסער אויסצוקלייבען אַן אַנדער היסטאָרישע טהעמאַ, אַ נייע, ניט קיין בעריהרטע.

— אָבער ווען דאָס איז דאָך דיא גרעסטע טהעמאַ פאַר דער קונסט?

— ווען מען זאָל זוכען וועלען זיך געפינען אויך אַנדערע. אָבער דיא הויפּטזאַך איז דאָך, אַז דיא קונסט קאָן ניט ליידען קיין האַמפּעריי און מיינונגס־פערשיעדענהייטען. און אין איוואַנאָווס בילד ערוועקט זיך אַ פראַגע אי פאַר דעם רעליגיעזען, אי פאַר דעם ניט רעליגיעזען: איז דאָס אַ גאָט אָדער ניט קיין גאָט? און דארום שטערט דאָס דער איינהייטליכקייט פון דעם איינדרוק.

— פאַר וואָס? מיר דוכט זיך, אַז פאַר געבילדעטע מענשען — האָט גע־זאָגט מיכאילאָוו — קאָן שוין קיין האַמפּעריי דעריין ניט זיין.

גאָלענישטשעוו איז דערמיט ניט איינפערשטאַנען געווען און האַלטענדיג זיך ביי דאָס זייניגע, אַז פאַר דער קונסט איז נויטיג איינהייטליכער איינדרוק, האָט ער צושלאָגען מיכאילאָווען.

מיכאילאָוו האָט זיך אויפגערעגט, ער האָט אָבער גאָרניט געקאָנט זאָגען צו פאַרטהיידיגען זיין מיינונג.

## 12.

אננא מיט ווראָנסקין האָבען זיך שוין לאַנג איבערגעקוקט און האָבען גע־האָט פערדרוס פון זייער פריינדס קלוגע רייד; ענדליך איז ווראָנסקי איבערגע־גאַנגען צו אַן אַנדערן, ניט קיין גרויסען בילד, ניט דערוואַרטענדיג זיך וואָס דער בעל־הבית וועט זיי ווייזען.

— אַך, וואָס פאַר אַ פּראַכט, וואָס פאַר אַ פּראַכט! וואונדערליך! וואָס פאַר אַ פּראַכט! — האָבען זיי ביידע אָנגעהויבען ריידען אין איין שטימע.

„וואָס איז זיי דאָרט אַזוינס געפעלען געוואָרען?“ — האָט אַ טראַכט גע־טאָהן מיכאילאָוו. ער האָט זיך גאָר געווען פאַרגעסען וועגען דעם דאָזיגען ביל־

דעל, וועלכען ער האט געמאהלט מיט א יאהר דריי צוריק. ער האט פארגעסען אלע יסורים און נחת, וואס ער האט איבערגעלעבט פון דעם דאזיגען בילד, ווען ער האט עטליכע מאנאטען נאכאנאנד טאג און נאכט באשעפטיגט זיך מיט דעם דאזיגען בילד; ער האט פארגעסען, וויא ער האט אלע מאל פארגעסען א געענדיג־טען בילד. ער האט אפילו ניט געליעבט צו קוקען אויף איהם און האט דאס אויסגעשטעלט בלויז דערפאר, ווייל ער האט געווארט אויף דעם בעזוך פון אן ענגלענדער, וועלכער האט גראד דעם בילד געוועלט קויפען.

— דאס איז זיך אזוי, אן אלטער עטיוד — האט ער געזאגט.

— וויא גוט! — האט געזאגט גאלענישטשעוו, וועלכער איז אויך נתפעל געווארען פון דער פרעכטיגקייט פון בילד.

צוויי אינגלעך האבען אין שאטען פון קוסט געפאנגען פיש מיט ווענדעס. איינער, דער עלטסטער האט נור וואס פערווארפען דיא ווענדע; דער אנדערער, א יונגערער, איז געלעגען אויפ'ן גראז, אנגעשפארט דעם בלאנדען צוקודעלטען קאפ אויף דיא הענד און האט מיט פערטראכטע בלויע אויגען געקוקט אין וואַ־סער. וועגען וואס האט ער געטראכט?

דיא ענטציקונג פון דיא בעזוכער האט ארויסגערופען אין מיכאילאווען ווידער אויפרעגונג, אבער ער האט מורא געהאט, עס זאלען ניט ארויסגערופען ווערען דיא געפיהלען פון דער פערגאנגענהייט און דאס האט ער געהאלטען פאר אומזיסט; ער האט געוואלט אבציהען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא בעזוכער פון דאנען אויף א דריטען בילד. אבער ווראנסקי האט א פרעג געטאהן, צו פער־קויפט ער ניט דעם דאזיגען בילד. פאר מיכאילאווען, וועלכער איז שוין צורודערט געווארען פון דער ענטציקונג פון דיא בעזוכער, איז דיא רייד וועגען געלד געווען איצט זעהר אונאנגענעהם.

ווען דיא בעזוכער זיינען אוועקגעפאהרען, האט זיך מיכאילאוו געזעצט געגען דעם בילד פון „קריסטוס בעפאר פילאטוס" און האט ביי זיך אין שכל ווידערהאלט וואס עס איז ארויסגעזאגט געווארען אדער וואס עס האבען גע־מיינט צו זאגען דיא בעזוכער. און זאנדערבאר: דאס וואס איז פאר איהם גע־ווען וויכטיג ווען זיי זיינען דא געווען, האט פאר איהם אויפגעהערט וויכטיג צו זיין און האט פערלארען יעדע בעדייטונג איצט. ער האט איצט אנגעהויבען קוקען מיט זיין קינסטלער־אויג און ער האט זיך מעהר איבערצייגט אין דער פאלקאַ־מענהייט פון בילד.

קריסטוס'עס פוס בלויז איז עפעס געווען ניט אזוי. ער האט גענומען פאליטרע און האט זיך צוגענומען צו דער ארבייט. פארריכטענדיג דיא פוס, האט ער אהן אויפהער גענומען זיך איצט איינקוקען אין דער פיגור פון יאהאן אין הינטער־גרונד, וועלכע דיא בעזוכער האבען גארניט באמערקט, אבער וועלכע איז דיא העכסטע פאלקאמענהייט, וויא ער וויים. ער האט זיך געוועלט נעהמען ווייטער צו דער דאזיגער פיגור, ער האט אבער זיך געפיהלט צופיעל אויפגערעגט דערצו. ער האט קיין מאל ניט געקענט ארבייטען ווען ער איז געווען גאנץ קאלט און גלייכגילטיג וויא אויך ווען ער איז געווען צופיעל ערהיצט און אויפגערעגט.

עס איז בלויז געווען איין מדרגה, אויף וועלכער פאר איהם איז מעגליך געווען צו ארבייטען, דאס איז אויף דער איבערגאנגס־שטופע פון קאלטקייט צו בעגייסטערונג. ער האט זיך קוים אבגעריסען פון בילד מיט א מין ביינקשאפט, האט פערצויגען דיא לייליך און א מיעדער, אבער א גליקליכער, איז ער אוועק צו זיך אין הויז אריין.

ווראנסקי, אננא און גאלענישטשעוו זיינען געווען בעזונדער באלעבט און פרעהליך ווען זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים. זיי האבען גערעדט וועגען מיכאילאווען און וועגען זיינע בילדער. זיי האבען געאורטהיילט, אז קיין טאלאנט פעהלט איהם ניט, אבער אז זיין טאלאנט האט זיך ניט געקאנט ענטוויקלען ווייל איהם פעהלט בילדונג — דער אלגעמיינער אונגליק פון אונזערע רוסישע מאהלער. אבער דאס בילד פון דיא אינגליך איז פערבליבען ביי זיי אין זכרון און יעדען מאל האבען זיי ווידער אנגעהויבען וועגען איהר: „וואס פאר א פראכט! וויא דאס איז איהם געלונגען און אזוי איינפאך! ער פארשטעהט גאר ניט וויא גוט דאס איז! יא, מען דארף דאס ניט פערנאכלעסיגען, מען דארף דעם בילד קויפען“, האט געזאגט ווראנסקי.

13.

מיכאילאוו האט פערקויפט ווראנסקין זיין בילד און האט איינגעשטימט צו מאהלען א פארטרעט פון אננאן. אין דעם בעשטימטען טאג איז ער געקומען און האט אנגעהויבען דיא ארבייט. דער פארטרעט האט אלעמען איבערראשט שוין ביי דעם פינפטען סעאנס, בעזונדערנס ווראנסקין, ניט בלויז מיט דער עהנליכקייט נור מיט דער בעזונדער שעהנקייט. זאנדערבאר, וויא האט דאס מיכאילאוו געקענט אויסגעפינען איהר יענע בעזונדערע שעהנקייט. „מען דארף זיא קענען און ליעבען, וויא איך האב געליעבט, אז מען זאל קאנען געפינען דעם דאזיגען ליעבליכען און הארציגען אויסדרוק אין איהר“ האט געטראכט ווראנסקי, אבוואהל ער האט ערשט פון דעם דאזיגען פארטרעט דערוואוסט זיך וועגען דעם דאזיגען ליעבליכען, הארציגען אויסדרוק. אבער דער דאזיגער אויסדרוק איז געווען אזוי וואהרהייטליך, אז פאר איהם און אויך פאר אנדערע האט אויסגעוויזען, אז זיי האבען איהם שוין לאנג געקענט.

— וויפיעל צייט איך טראג זיך ניט ארום מיט דער ארבייט און האב גארנישט געמאכט — האט ער גערעדט וועגען זיין פארטרעט — און ער האט א קוק געטאהן און האט אבגעמאהלט. אט וואס עס הייסט טעכניק.

— דאס וועט קומען — האט איהם געטרויסט גאלענישטשעוו, וועלכער האט געדיינקט אז ווראנסקי האט טאלאנט און הויפטזעכליך בילדונג, וואס גיט א העכערע אנשויאונג אויף קונסט. גאלענישטשעוו איז געווען איבערצייגט אין ווראנסקים מאהלעריי־קונסט דערפאר, ווייל ער האט געדארפט ווראנסקים אנ־

ערקענונג פון זיינע אַרטיקלען און זיינע געדאַנקען, און ער האָט געפיהלט אַז שבחים און אַנערקענונג דאַרף זיין געמיינשאַפטליך.

אין אַ פרעמדען הויז, און בעזונדער נאָך ביי ווראָנסקין אין פּאַלאַצאַ איז מיכאַילאָוו געווען גאָר אַן אַנדער מענש, אַלס ביי זיך אין סטודיא; ער איז געווען בעזונדער העפליך, אַזוי וויא ער וואָלט מורא האָבען צו זיין אין צו נאָהענטע בעציהונגען מיט מענשען וועלכע ער האָט ניט רעספּעקטירט. ער האָט גערופען ווראָנסקין „אייער דורכלויכט“ און וויפיעל מאָל אַננאַ האָט איהם ניט איינגעלאַדען צו בלייבען צו מיטאַג, איז ער קיין מאָל ניט געבליבען און איז געקומען בלויז פאַר סעאַנסען, און ווייטער ניט. אַננאַ האָט זיך פערהאַלטען בעזונדער מילד צו איהם, מעהר איידער צו אַנדערע און איז איהם געווען דאַנקבאַר פאַר איהר פּאָרטרעט. ווראָנסקי האָט זיך פערהאַלטען צו איהם מעהר אַלס מיט העפליכקייט און האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם קינסטלערס מיינונגען וועגען זיין פּאָרטרעט. גאַלענישטשעוו האָט ניט פערנאַכלעסיגט קיין געלעגענהייט צו בעלעהרען מיכאַילאָווען מיט זיינע מיינונגען וועגען קונסט. אָבער מיכאַילאָוו האָט זיך פערהאַלטען קאַלט צו זיי אַלעמען גלייך. אַננאַ האָט געפיהלט פון זיינע בליקען, אַז ער האָט געליעבט צו קוקען אויף איהר, האָט אָבער געזעהען אויסצומיידען מיט איהר צו ריידען.

אין אַלגעמיין איז מיכאַילאָוו מיט זיין צוריקגעהאַלטענקייט און מיט זיין אונאַנגענעהמער קאַלטקייט, כמעט פיינדליכקייט, זיי זעהר ניט געפעלען געוואָרען, ווען זיי האָבען איהם דערקענט נעהנטער. זיי זיינען גערן געווען וואָס דיא סעאַנסען האָבען זיך געענדיגט, ביי זיי איז געבליבען אַ פּראַכטפאָלער פּאָרטרעט און ער האָט אויפגעהערט צו קומען. גאַלענישטשעוו האָט ארויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז מיכאַילאָוו האָט פּשוט מקנא געווען ווראָנסקין; דיא דאָזיגע מיינונג האָבען זיי אַלע געהאַט.

— לאָמיר רעכענען, אַז מקנא איז ער ניט, ווארום ער בעזיצט  ט אַ ל אַ נ ט; אָבער איהם קריינקט, וואָס אַ מאַן פון קייזערליכער סוויטע און אַ רייכער מאַן, אַ גראַף (זיי קאָנען דאָך אַזעלכע זאַכען ניט געדאַכטען) זאָל גאָר אָהן בעזונדער מיה, בעזיצען דאָס אויף וואָס ער האָט אַוועקגעגעבען זיין גאַנצען לעבען, אויב ניט שאַפען נאָך בעסער פון איהם. הויפּטזעכליך איז ער מקנא דיא בילדונג, וועלכע ער בעזיצט ניט.

ווראָנסקי האָט פערטהיידיגט מיכאַילאָווען, אָבער טיעף ביי זיך אין הארצען האָט ער אויך געגלויבט וויא גאַלענישטשעוו האָט געזאָגט. אַננאַס פּאָרטרעט — וועלכע ער און מיכאַילאָוו האָבען געמאָהלען פון דער נאַטור, האָט איהם דוכט זיך געדאַרפט ווייזען דעם אונטערשיעד פון זיין מאהלעריי ביז מיכאַילאָווס, אָבער ער האָט דאָס ניט געזעהען. ער האָט נאָך מיכאַילאָווס פּאָרטרעט שוין ניט פּאָרטגעזעצט צו ענדיגען זיינעם, בעשליסענדיג אַז דאָס איז שוין איצט איבעריג. ער האָט נור פּאָרטגעזעצט איצט זיין בילד פון דעם לעבען פון מיטעלאַלטער. און זיי האָבען אַלע בעשלאָסען אַז דער דאָזיגער בילד זיינער איז פּאָרטרעפליך, ווייל ער האָט געהאַט מעהר עהנליכקייט צו דיא קונסט־בילדער פון דיא אַלטע מייסטערס אַלס מיכאַילאָווס בילדער.

# אננא קארעניגא

מיכאילאָוו אליין איז געווען זעהר גערן וואָס דיא סעאַנסען האָבען זיך געענדיגט און ער דאַרף מעהר ניט הערען גאלעגישטשעווס בעלעהרונגען, הגם אננאַס פּאָרטרעט האָט איהם שטאַרק בעגייסטערט. ער האָט געוואוסט, אַז מען קאָן ניט פערבאָטען ווראָנסקין צו פערטרייבען זיין צייט שפּיעלענדיג אין מאהלעריי; ער האָט געוואוסט, אַז וורענסקי וויא אַלע דילעטאַנטען האָבען אַ רעכט צו מאהלען אַלעס וואָס זיי געפעלט, אָבער איהם איז געווען אונאַנגענעהם. מען קאָן ניט פערבאָטען אַ מענשען מאַכען פאַר זיך אַ גרויסע פּופּע פון וואקס און קורשען זיא. אָבער אויב אַזאַ מענש וואָלט מיט זיין פּופּע געקומען צו אַ פערליעבטען און וואָלט זיך גענומען צערטלען זיין וואקסענע פּופּע אויף דעמזעלבען אופן וויא דער פערליעבטער צערטעלט דיא, וועלכע ער ליעבט, וואָלט דעם פערליעבטען געווען אונאַנגענעהם. אַזאַ געפיהל איז געווען ביי מיכאַילאָווען, ווען ער האָט געזעהען וורענסקים. מאהלעריי: איהם איז עס אויסגעקומען לעכערליך, פערזרוסליך און בעליידיגענד.

וורענסקים בעגייסטערונג פון מאהלעריי און פאַר דעם לעבען פון מיטעלאַלטער האָט געדויערט ניט לאַנג. אויף אַזוי פיעל געשמאַק האָט ער געהאַט אין קונסט צו לאָזען דעם בילד בעסער אין מיטען, ניט געענדיגט. ער האָט דונקעל געפיהלט, אַז דיא חסרונות, וועלכע מען האָט פיעלייכט ניט געקאָנט מערקען פון אָנהויב וועלען זיך זעהען זעהר בולט ווען דאָס בילד וועט זיין געענדיגט. מיט איהם איז געווען דאָסזעלבע, וואָס מיט גאלעגישטשעווען, וועלכער האָט געפיהלט, אַז ער האָט אייגענטליך ניט וואָס צו זאָגען און האָט זיך אַליין שטענדיג אָבגענאַרט דערמיט, וואָס ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז זיין געדאַנק איז נאָך ניט צייטיג געוואָרען, אַז ער זאַמעלט מאַטעריאַל. נור וועהרענד גאלעגישטשעוו איז דערפון געווען געקריינקט, איז וורענסקי געווען מיט אַן ענטשלאָסענעם כאַראַקטער און האָט עס אַוועקגעוואַרפען.

אָבער אָהן דער דאָזיגער באַשעפטיגונג האָט זיין לעבען און אַננאַס אָנגעהויבען וויזען זיך פאַר זיי לאַנגווייליג אין דער איטאַליענישער שטאָדט. אננאַ האָט זיך געוואונדערט פון זיין ענטטוישונג. אין ביידען האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען זייער פּאַלאַצאַ אויסצוזעהען אַלט און שומציג, פלעקען אויף דיא גארדינען, שפּאַלטען אויף דיא דילען, אָבגעבראָקעלטע שטוקאַטור פון דיא קאַרניזען און דערעסען האָט זיי אויך גאלעגישטשעוו, דער איטאַליענישער פּראָפעסאָר און דער דייטשער רייזענדער, אַז עס איז געוואָרען נויטיג צו ענדערען דעם לעבען. זיי האָבען בעשלאָסען צו פאָהרען קיין רוסלאַנד, וואָהנען צו לאַנד. אין פּעטערסבורג האָבען זיי גערעכענט אָבצושטעלען זיך אַ ווייל, וורענסקי זאָל זיך קאָנען צוטהיילען מיט זיין ברודער און אננאַ זעהען זיך מיט איהר זוהן. דעם זומער וועלען זיי פאַרברייננגען אין וורענסקים גרויסען מאַיאָנטעק, דער היימאָרט פון דיא וורענסקים.

.14

דער דריטער מאָנאַט וויא לעווין איז געוועזן פערהייראַטה. ער איז געווען גליקליך, אָבער גאָר ניט אַזוי וויא ער האָט ערוואַרט. אויף יעדער שריט און טריט איז ער ענטוישט געוואָרען פון עפּעס נייעס. אויף יעדער טריט האָט ער געפיהלט דאָס, וואָס עס וואָלט פיהלען אַ מענש, וועלכער האָט הנאה צו קוקען וויא עס שווימט גלייך און גליקליך אַ שיפעלע איבער'ן טייכעל, וואָלט זיך אַליין דערנאָך אַריינגעזעצט אין שיפעל. ער האָט דערזעהען, אַז עס איז נאָך ווייניג צו זיצען גלייך און ניט שאָקלען זיך — מען דאַרף נאָך האָבען אין זינען, וואָהין שווימען, און אַז אונטען איז וואַסער און מען דאַרף רודערן, און אַז ניט געוועהנטע הענד הויבען אָן וועה טהאָן דערפון; אַז בלויז קוקען דערויף איז לייכט, אָבער אַליין טהאָן דאָס ברייננגט אַפילו שמחה, איז אָבער זעהר שווער.

ווען ער פלעגט קוקען אַמאָל אויף פרעמדען פאַמיליען־לעבען, אויף דיא פיעלע קליינע דאגות, קריגערייען, אייפערזוכט, פלעגט ער נור ביי זיך אין האַרצען שמייכלען מיט פעראַכטונג. ווען ער וועט זיין פערהייראַטה וועט דאָס אַלעס ניט קאָנען געמאָלט זיין, ניט בלויז לויט זיינע איבערצייגונגען, נור אַפילו אויסערליך וועט זיין פאַמיליען־לעבען ניט אויסזעהען אַזוי וויא דאָס פאַמיליען־לעבען פון אַנדערע. און פּלוצלינג, אַנשטאַט דעם, האָט זיך זיין לעבען מיט דער פרוי ניט נור ניט געשטאַלטעט אַנדערש, נור פאַרקעהרט האָט ענטהאַלטען אין זיך אַלע אונבעדייטענדע קלייניגקייטען, וועלכע ער האָט פריהער אַזוי פעראַכטעט; געגען זיין אייגענעם ווילען האָבען דיא אַלע קלייניגקייטען בעקומען אַ וויכטיגע בעדייטונג.

וויא אַלע מאַנסלייט האָט ער זיך פריהער פאָרגעשטעלט דאָס פאַמיליען־לעבען בלויז אַלס דעם תענוג פון ליעבע, וואָס דאַרף פון קיין זאַך ניט געשטערט ווערן. לויט זיין פערשטאַנד האָט ער געדאַרפט טאָהן זיין אַרבייט און נאָך דער אַרבייט רוהען אין דעם גליק פון דער ליעבע. זיא דאַרף געליעבט זיין און דאָס איז אַלעס. ער האָט אָבער, וויא אַלע מאַנסלייט, פאַרגעסען, אַז זיא דאַרף אויך האָבען אַרבייט. און ער האָט זיך געוואונדערט, וויא אַזוי קאָן זיא, די דאָזיגע פּרעכטיגע, פּאָעטישע קיטי גלייך שוין, דיא ערשטע טעג נאָך דער חתונה טראַכטען, געדיינקען און זאָרגען וועגען טישטוכער, וועגען מעבעל, וועגען טופיאַקעס פאַר אַנגעקומענע געסט, וועגען אַ טאַץ, וועגען אַ קוכער, וועגען מיטאָג, א. ז. וו.

ווען ער איז נאָך געווען אַ חתן איז ער איבעררראשט געוואָרען ווען זיא האָט זיך אָבגעזאָגט פון צו פאָהרען קיין אויסלאַנד און האָט בעסער ענטשלאָסען צו פאָהרען אין זייער מאַיאָנטעק צו לאַנד אַזוי וויא זיא וואָלט עפּעס אויך פאַרשטעהען פון ווירטשאַפט, פון עפּעס אַנדערעס, אויסער איהר ליעבע. ער האָט זיך געפונען עפּעס בעליידיגט דערפון וואָס זיא קאָן גאָר טראַכטען וועגען אַנדערעס אויסער ליעבע. אָבער ער האָט געזעהן, אַז דאָס איז פאַר איהר נויטיג, ער האָט אַפילו

ניט פערשטאַנען פאר וואָס, אָבער ליעבענדיג זיא האָט ער הנאה געהאַט אויך צו זעהען וויא זיא זאָרגט זיך פאר דיא הויזליכע אנגעלעגענהייטען און האָט אונטערגעשמייכעלט, וויא זי צושטעלט דיא מעבעל, ווי זי האָט צוגעקליבען איהר צימער און זיינעם, וויא זיא האָט איינגעריכט צימערן פאר געסט, פאר דאַללין, וויא זיא האָט אָנגעזאָגט דעם קוכער וואָס פאר מיטאָג ער זאָל קאָכען, ווי זיא האָט זיך געהאַמפּערט מיט אגאַפיא מיכאילאָוונא, דיא לעצטע זאָל זיך ניט בעשעפטיגען מיט פּראָוויזיאָנען. ער האָט הנאה געהאַט צו זעהען וויא ליעבליך זי איז, ווען זיא בעל־הבית'עוועט, וויא זיא קומט צו איהם אריין וויינענדיג און לאַכענדיג און ערקלעהרט, אז איהר דינסט־מיידעל מאשא איז נאָך אלץ געוואָהנט צו קוקען אויף איהר וויא אויף פריילין און דארום פאָלגט זי קיינער ניט אלס א בעל־הבית'טע. איהם האָט דאָס אויסגעזעהען ליעבליך און זאָנדערבאר און ער האָט געטראַכט, אז מען וואָלט דוכט זיך בעסער געקאָנט אויסקומען אָהן דעם.

ער האט ניט געוואוסט פון יענעם געפיהל פון ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין איהר, נאָכדעם וויא פריהער, אין דער היים, ווען איהר פלעגט זיך פארוועלען קרויט מיט קוואס אדער צוקערקעס און זיא פלעגט ניט קענען האָבען ניט דאָס און ניט דאָס, און איצט קען זיא דאָך בעפעהלען אלעס אזוי וויא זיא וויל, קויפען גאַנצע הויפענס קאָנפעקטען, אויסגעבען אזוי פיעל געלד וויפיעל זיא וויל און בעשטעלען וויפיעל זי וויל צוקער־געבעקס.

מיט שמחה האָט זיא איצט געטרוימט, ווי צו איהר וועט קומען צו בעזוך דאללי מיט דיא קינדער, וויא זיא וועט איצט באשטעלען פאר יעדען קינד אזעלכע טערטלעך וויא עס האָט ליעב, און דאללי וועט אָבשעצען וויא זיא האָט אלעס איינגעריכט. די הויזיגעווירטשאפט האָט איהר געצויגען צו זיך. זיא האט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז עס קומט אָן באלד פריהלינג און זיא האָט געפלאָכטען איהר נעסט און האָט מיט אימפּעט געלערענט זיך אין דערזעלבער צייט וויא צו פלעכטען. די דאָזיגע קליינליכע זאָרג, וואָס איז געווען פארקעהרט פון לעווינס אידעאַל וועגען העכערען גליק פאר דער ערשטער צייט, איז געווען איינע פון דיא ענטוישונגען, און דיא דאָזיגע ליעבליכקייט פון איהר בעזאָרגט זיין, וואָס ער האט ניט געקענט ניט ליעבען, איז געווען איינע פון זיינע נייע בעצויבערונגען.

דיא צווייטע ענטוישונג און בעצויבערונג זיינען געווען האמפּערייען. לעווין האָט זיך קיין מאָהל ניט געקענט פאָרשטעלען, אז צווישען איהם און זיין פרוי זאָלען זיין אנדערע בעציהונגען אויסער ליעבע, צערטליכקייט, אכטונג, און פּלוצלינג, שוין די ערשטע טעג האבען זיי זיך צוקריגט, און אזוי ווייט, אז זיא האָט איהם שוין פאָרגעוואָרפען אז ער ליעבט זיא ניט, אז ער ליעבט בלויז זיך אליין און האט זיך צואוויינט.

זייער ערשטער קריעג איז געקומען דערפון, וואס לעווין איז אוועקגעפאָהרען וועגען זיינע ווירטשאפטליכע אנגעלעגענהייטען אין נאָהענטער דאָרף און האט פערזאמט מיט א האלבע שטונדע לענגער, און פערשפּעטיגט האָט ער זיך מחמת דעם, וואס ער האט געוואלט אויסקלייבען א נאָהענטערען וועג אום צו קומען גיכער און האט פערבלאָנדזשעט. ער איז געפאהרען אהיים טראכטענדיג בלויז וועגען איהר, וועגען איהר ליעבע, וועגען זיין גליק און וואס נאָהענטער ער איז געקו־

מען, אלץ מעהר האָט זיך אין איהם צופלאמט זיין צערטליכקייט צו איהר. ער איז ארייגעלאָפען אין צימער מיט דעם דאָזיגען געפיהל און אַ געפיהל וואָס איז נאָך געוועזן פיעל שטאַרקער אלס דאס געפיהל, מיט וועלכען ער איז געפאהרען צו די שטשערבאצקעס בעטען איהר האנד. און פלוצלינג האט איהם בעגעגענט אַ טרויעריג־בייזער אויסדרוק, וועלכען ער האָט אין איהר פריהער קיין מאָהל ניט געזעהן. ער האט זיא געוואלט קושען; זיא האט איהם אָבגעשטויסען.

—וואס איז מיט דיר ?

— דיר איז פרעהליך.... האָט זיא אָנגעהויבען, וועלענדיג זיין גיפטיג־רוהיג.

אָבער וויא זיא האט נור געעפענט איהר מויל, האָבען זיך אָנגעהויבען ארויסרייסען פאָרווירפע פון אונזיניגער אייפערזוכט, פון אלעס וואָס עס האט זי געמארטערט אין דער האלבער שטונדע זיצענדיג מיט אונגעדולד ביים פענסטער. דאָ ערשט האָט ער צום ערשטען מאָהל פערשטאַנען קלאָהר, וואס ער האט ניט פערשטאַנען, ווען ער האט זיא נאָך דער חופה געפיהרט פון דער קירכע. ער האט פערשטאַנען אז זיא איז ניט בלויז נאָהענט צו איהם, נור אז ער ווייס אויך ניט וואו עס הערט אויף זיא און וואו עס הויבט זיך אָן ער. ער האט זיך אין דער ערשטער מינוט בעליידיגט, האָט אָבער אין דערזעלבער רגע דערפיהלט, אז ער קען ניט זיין בעליידיגט פון איהר, אז זיא איז דאס ער גופא. ער האט געפיהלט עפּעס עהנליכעס וואָס אַ מענש פיהלט, ווען ער בעקומט פלוצלינג אַ קלאפּ פון הינטען און ווען ער קעהרט זיך אום צו געפינען דעם שולדיגען, איבערצייגט ער זיך, אז ער האָט דאס אליין זיך געגעבען אַ קלאפּ, אז אין כעס זיין איז ניטאָ אויף וועמען און אז מען דארף דאס בלויז איבערטראָגען און איינשטילען וויא עס איז דעם ווערטאָג.

זיי האבען פריעדען געשלאָסען. זיא האט אַנערקענט איהר שולד און איז געוואָרען צערטליכער צו איהם און זיי האָבען געפיהלט אַ נייע דאָפּעלטע הנאה פון ליעבעס־גליק. אָבער דאס האט ניט געשטערט, אז אזעלכע צונויפשטויסונגען זאָלען פאַסירען ווייטער, זאָגאר זעהר אָפט, און גאנץ פלוצלינג, אונערווארטעט, איבער קליינינגקייטען. ווען איינער פון זיי איז געוועזן גוט אויפגעלעגט און דער צווייטער שלעכט אויפגעלעגט, איז זייער פריעדען ניט געוועזן געשטערט, אָבער ווען עס האָט פאַסירט אַז זיי זיינען ביידע געוועזן אין אַ שלעכטע שטימונג, זיינען אַרויסגעקומען אונפערשטענדליכע, קליינליכע צוזאמענשטויסונגען, אז זיי האבען דערנאָך אליין ניט געקענט געדענקען איבער וואָס דיא האַמפּעריי איז ארויסגעקומען. אמת, ווען זיי זיינען ביידע געוועזן גוט געשטימט האָט דיא פרייד פון לעבען ביי זיי זיך פערדאָפּעלט. אָבער אין אלגעמיין איז דיא ערשטע צייט פאר זיי געוועזן זעהר אַ שווערע.

אין דער דאָזיגער ערשטער צייט האָט זיך בעזונדער געפיהלט צווישען זיי עפּעס אָנגעשטרענגטעס, אזוי וויא עמיצער וואָלט צופּען אַהין און אַהער די קייט, וועלכע האָט זיי געבונדען. אין אלגעמיין איז זייער האָניג־מאָנאט, פון וועלכען לעווין האט אזוי פיעל ערווארטעט, געוועזן ניט נור ניט קיין האָניגדיגער, נור איז

אין זייער ביידענס עראינערונג געבליעבען אלס דיא שווערסטע און ערניעדריגסטע עראינערונג פון זייער גאנצען לעבען.

בלויז אויף דעם דריטען מאָנאַט פון זייער הייראטה, נאָך דעם וויא זיי האָבען זיך צוריק געקעהרט פון מאָסקווא, האט זייער לעבען זיך אָנגעהויבען גלייכמעסיגער.

.15

זיי זיינען נור וואס געקומען פון מאָסקווא און זיי זיינען געווען גערן וואס זיי זיינען אליין פאר זיך. ער איז געזעסען אין קאבינעט ביים שרייב־טיש און האט געשריעבען. זיא איז געזעסען אָנגעטאָהן אין יענע דונקעל־לילענע קלייד, וועלכע זיא האט געטראגען די ערשטע צייט נאָך זייער האָכצייט און וועלכע איז איהם געווען אנגענעהם אלס אן עראינערונג; זיא איז געזעסען אויפן דיוואן, אויף דעמזעלביגען אלטען לעדערנעם דיוואן, וועלכער איז געשטאַנען אימער אין קאבינעט נאָך פאר לעווינס זיידען און פאר זיין פאטער, און זיא האָט אויסגענעהט ענגלישע האַפט. ער האט געטראכט און האט געשריעבען או, האט מיט פרייד געפיהלט איהר אנוועזענהייט. זיינע בעשעפטיגונגען מיט ווירטשאפט און מיט דעם ווערק, אין וועלכען ער דארף ערקלעהרען די בעגרינדונג פון אַ נייע ווירטשאפטליכע איינפיהרונגען, האָט ער ניט אַוועקגעווארפען. ער האט פאָרטגעזעצט זיין פריהערדיגע ארבייט, האָט אבער געפיהלט, אז דער מיטעלפונקט פון זיין אויפמערקזאמקייט איז איצט איבערגעגאנגען אויף עפּעס אַנדערעס און דארום קוקט ער שוין אין גאנצען אנדערש און זעהט די זאַך קלעהרער.

פריהער איז דיא דאָזיגע ארבייט געווען פאר איהם אַ לעבענס־רעטונג, פריהער האָט ער געפיהלט, אז אָהן דער דאָזיגער ארבייט איז זיין לעבען צו פינסטער. איצט איז שוין פאר איהם די דאָזיגע ארבייט געווען נויטיג, כדי זיין לעבען זאָל ניט זיין איינטעניג ליכטיג. פיעלע פון זיינע פריהערדיגע געדאַנקען אין זיין ווערק האבען איהם איצט אויסגעזעהען איבעריג און צו עקסטרעם, אָבער פיעלע האָט ער מיט פערגניגען געפונען אלס קלאָהר און זיינען ווערטה אָבצוגעבען זיך ווייטער מיט דער ארבייט.

ער האט געשריעבען איצט אַ נייעם קאפּיטעל — וועגען די אורזאכען פון דער שלעכטער לאגע, אין וועלכער אגריקולטור געפינט זיך אין רוסלאנד. ער האט בעוויזען, אַז דיא אָרעמקייט קומט ארויס ניט בלויז דערפון וואָס דאָס לאַנדאייגענטהום איז ניט גלייך פערטהיילט, נור אז צו דער דאָזיגער פעראָרעמטקייט האָט פיעל מיטגעהאָלפען דאס וואס אין דער לעצטער צייט איז אין רוסלאנד איינגעאימפּפט געוואָרען אוננאָרמאַל די אויס ערליכע ציוויליזאַציאָן פון אייראָפּאַ, בעזונדער נאָך די אייזענבאהנען, וועלכע האבען געבראכט אלס פאָלגע די צענטראליזאציאָן פון דיא שטעדט, דיא ענטוויקלונג פון וואוילטאָג, דיא ענטוויקלונג פון מאנופעקטור־האנדעל, קרעדיט און בערזען־ספּעקולאציאָן — אלץ צו שאדען פון אגריקולטור. איהם האָט געשיינט, אז אין אַ נאָרמאלער ענטוויקלונג פון רייכטהי·

# אננא קארעני נא

מער אין א מדינה, דארפען די אלע ערשיינונגען קומען ערשט דאן, ווען מען האט אויף ערד־ארבייט, שוין אוועק געלעגט גענוג מיה, ווען מען האט דאס שוין אוועק געפיהרט אויף א ריכטיגען גאנג, יעדענפאלס ווען דיא ערד־ארבייט איז שוין אין בעשטיממטע אומשטענדען; די רייכקייט פון לאנד דארף וואקסען גלייכמעסיג, אזוי אז אנדערע צווייגען פון רייכטהום זאלען ניט אריבעריאגען דיא ענטוויקלונג פון אגריקולטור; אז דיא ענטוויקלונג פון פארקעהרס־מיטלען דארפען געהען האנד אין האנד מיט דער אגריקולטורעלער ענטוויקלונג און אז אונזערע אייזענבאהנען מיט דער ערד וואס זיי בעקוממען זיינען ניט ארויסגערופען געווארען אלס עקאנאמישע נויטהווענדיגקייט נור אלס א פאליטישע נויטווענדיגקייט און זיינען צו פריהציטיג. איבעריאגענדיג דיא לאנד־ווירטשאפט און ארויסרופענדיג דיא ענטוויקלונג פון האנדעל און קרעדיט האט דיא ענטוויקלונג מון אייזענבאהן־וועזען געווירקט אז דיא אגריקולטור זאל בלייבען הינטערשטעליג, אלץ איינס וויא דיא בעזונדער ענטוויקלונג פון איין גליעד אין א חיה וואלט שטערען איהר אלגעמיינער ענטוויקלונג. אין אייראפא איז דיא ענטוויקלונג פון קרעדיט, פון פארקעהרס־מיטלען, פון מאנופאקטור געווען נויטווענדיג ווייל זיי זיינען געווען אין דער צייט, ביי אונז האבען זיי בלויז געבראכט שאדען, ווייל זיי האבען אבגעשטויסען אן א זייט דיא וויכטיגסטע פראגע, וואס איז געשטאנען אויף דער טאגעס־ארדנונג — דיא פראגע וועגען דער איינריכטונג פון אגריקולטור.

אין דער צייט וואס ער האט געשריבען זיין ווערק, איז זיא געזעסען און האט געטראכט וויא אונגאטירליך אויפמערקזאם איהר מאן האט זיך פערהאלטען צום יונגען פירסט טשארסקי, וועלכער איז זעהר אונטאקטיש פריינדליך געווען צו איהר פאר'ן אוועקפאהר. „ער איז דאך אייפערזיכטיג — האט זיא געטראכט, — מיין גאט! וויא ליעב און נאריש ער איז. אויף מיר איז ער אייפערזיכטיג! ווען ער וואלט וויסען אז זיי אלע האבען ביי מיר אזא בעטרעף וויא פיאטר דער קוכער — האט זיא געטראכט, קוקענדיג אויף איהם מיט זיין פאטיליצע און רויטען נאקען וויא אויף איהר אייגענטהום. עס איז אפילו א שאד אבצורייסען איהם פון זיין בעשעפטיגונג, אבער ער וועט נאך בעווייזען, איך וויל א קוק טאהן אויף זיין פנים. וועט ער דערפיהלען אז איך קוק אויף איהם? איך וויל, אז ער זאל זיך א קעהר טאהן... איך וויל, נו!" און זיא האט ברייטער צועפענט דיא אויגען, וועלענדיג דערמיט פערשטארקען איהר בליק.

— יא, זיי ציהען ארוים דאס גאנצע זאפט און גלענצען מיט א פאלשען גלאנץ — האט ער געמורמעלט אויפהערענדיג שרייבען און פיהלענדיג אז זיא קוקט אויף איהם און שמייכעלט.

— וואס? — האט ער א פרעג געטאהן, שמייכלענדיג און אויפהויבענדיג זיך פון פלאץ.

„ער האט זיך אומגעקוקט", האט זיא א טראכט געטאהן.

— גארנישט, קיין זאך ניט, איך האב געוועלט דוא זאלסט זיך אומקוקען — האט זיא געזאגט, איינקוקענדיג זיך אין זיין פנים צו ער איז ברוגז וואס זיא האט איהם געשטערט.

— וויא גוט אונז איז ווען מיר זיינען צוזאמען! — דאס הייסט מיר איז גוט — האט ער געזאגט צוגעהענדיג צו איהר און שיינענדיג פון גליק.

— מיר איז אזוי גוט! איך וועל מעהר ערגעץ ניט פאהרען, בעזאנדערס נאך קיין מאסקווא געוויס ניט.

— און וועגען וואס האסט דוא געטראכט?

— איך? איך האב געטראכט... ניין, ניין, געה שרייב, שטער זיך ניט — האט זיא געזאגט, קנייטשענדיג דיא ליפען — און איך דארף דא אויסשניידען דיא דאזיגע לעבעלעך, זעהסט?

זיא האט גענומען דיא שערעלעך און האט אנגעהויבען אויסשניידען.

— ניין, זאג דאך וואס דוא האסט געטראכט? — האט ער געזאגט צו־זעצענדיג זיך צו איהר.

— אך, איך וואס האב געטראכט? איך האב געטראכט וועגען מאסקווא, וועגען דיין נאקען.

— פאר וואס קומט מיר אבער אזא גליק? דאס איז אוננאטירליך. דאס איז צו גוט — האט ער געזאגט קושענדיג איהר האנד.

— ביי מיר קומט אויס פארקעהרט, וואס בעסער, אלץ נאטירליכער.

— און ביי דיר איז דא א גרייזעלע — האט ער געזאגט, פארזיכטיג א קעהר געבענדיג איהר קאפ — א גרייזעלע. זעהסט, דא. ניין, ניין, מיר טהוען עפעס!

זייער בעשעפטיגונג איז שוין ניט פארטגעזעצט געווארען, און ווען קוזמא איז אריינגעקומען זיינען זיי ביידע אבגעשפרונגען איינער פון צווייטען, וויא פערשולדיגטע. קוזמא האט געמעלדעט, אז טהעע איז שוין דערלאנגט אויפ'ן טיש.

— און פון שטאדט איז מען שוין געקומען? — האט לעווין איהם א פרעג געטאהן.

— נור וואס געקומען. מען צונעהמט דיא פאסט.

— קום־זשע גיכער, אז ניט וועל איך אהן דיר איבערלעזען דיא בריעף. און קום מיר וועלען שפיעלען אין פיער הענד.

בלייבענדיג אליין האט לעווין צונויפגענומען זיינע פאפיערען, אריינגע־לייגט זיי אין פארטפעל און האט זיך איינגעוואשען. ער האט געשמייכעלט און געשאקעלט וועגען זיך אליין מיט'ן קאפ. עפעס איז צו פערצערטעלטעס אין זיין איצטיגען לעבען, פאר וואס ער דארף זיך שעהמען. „אזוי לעבען טויג ניט — האט ער זיך געטראכט — אט זיינען שוין באלד אריבער דריי מאנאט און איך האב כמעט גארנישט געטאהן. היינט איז געוועזען דער ערשטער טאג, וואס איך האב זיך געפרופט נעהמען פאר דער ארבייט, און וואס איז ארויסגעקומען? ערשט אנגעהויבען און גלייך אוועקגעווארפען. אפילו דיא געוועהנליכע ארבייט. אין ווירטהשאפט, האב איך אויך פערלאזען. איך פאהר ערגעץ ניט און געה ערגעץ ניט. ניין, אזוי דארף ניט זיין, מען דארף אנהויבען טאהן. נאטירליך, זיא איז ניט שולדיג. איך האב אליין געדארפט זיין פעסטער, אנהאלטען מיין מענליכע אונאבהענגיגקייט. ווארום אז ניט קאן איך נאך אליין אזוי איינגעוועהנען זיך און זיא אויך אזוי צוגעוועהנען... זיא איז ניט שולדיג, זעלבסטפערשטענדליך...“

אָבער אַן אונצופריעדענעם מענשען איז שווער קיינעם ניט צו מאַכען קיין פּאָרווירפע, און בעזאָנדערנס דעם, וועלכער איז דער נאָהענטסטער צו איהם, אַז יענער איז שולדיג אין זיין אונצופריעדענהייט. און לעווינען איז ארויף אויפ'ן זינען, אַז אמת אפילו ניט זיא איז שולדיג, אָבער שולדיג איז איהר ערציהונג, אַ צו אויבערפלעכליכע און פריוואָלע ערציהונג („דער דאָזיגער דומ־קאָפּ, טשאַרסקי: איך וויים, אַז זיא האָט געוועלט, אָבער האָט ניט געקאָנט אָב־שטעלען איהם אין זיין צופיעל פריינדלען זיך.) זיא האָט ניט קיין ערנסטע אינטע־רעסען אויסער איהר טואַלעטע און איהרע האַפּט־שפּיצען. זיא אינטערעסירט זיך ניט מיט דער ווירטהשאַפט, מיט דיא פויערים, מיט מוזיק, מיט לעזען. זיא טהוט גאָרנישט און איז צופריעדען".

לעווין האָט דאָס פערורטהיילט און ער האָט גאָר ניט פערשטאַנען אַז זיא פערפערטיגט זיך ערשט צו יענער צייט פון טהעטיגקייט וועלכע מוז פאַר איהר אָנקומען, ווען זיא וועט זיין אין דערזעלבער צייט אַ פרוי צו איהר מאַן, אַ בעלהבית'טע אין הויז, וועט טראָגען, ערנעהרען און ערציהען קינדער. ער האָט ניט פערשטאַנען, אַז זיא האָט עס געשפּירט אינסטינקט־וו און פערפערטיגענדיג זיך צו דער דאָזיגער שווערער ארבייט, האָט זיא זיך קיין פּאָרוואורף ניט גע־מאַכט אין דיא מינוטען פון זאָרגלאָזיגקייט און גליק פון דער ליעבע, פון וואָס זיא האָט איצט הנאה געהאַט, פרעהליך פלעכטענדיג איהר נעסט.

16.

ווען לעווין איז ארויפגעגאַנגען אויבען טהעע טרינקען, איז זיין פרוי שוין געזעסען לעבען דעם נייעם זילבערנעם סאַמאָוואר מיט דעם נייעם טהעע־סערוויז און, אוועקזעצענדיג דיא אַלטע אגאַפיא מיכאַילאָוונא ביי דעם קליינעם טישעל מיט אַן אָנגעגאָסענע טאַסס טהעע, האָט זיא געלעזען דאָללי'ס בריעף; זיא האָט זיך מיט דאָללין שטענדיג דורכגעשריבען.

— זעהסט, האָט מיך אוועקגעזעצט אייער פריצ'תה, געהייסען זיצען לע־בען איהר — האָט געזאָגט אַגאַפיא מיכאַילאָוונא, פריינדליך שמייכלענדיג צו קיטי.

אין דיא דאָזיגע ווערטער פון אַגאַפיא מיכאַילאָוונא האָט לעווין איבער־געלעזען דעם פינאַל פון אַ דראַמא, וועלכע האָט זיך אין דער לעצטער צייט אָב־געשפּיעלט צווישען אַגאַפיא מיכאַילאָוונא און קיטי. ער האָט געזעהען, אַז ניט קוקענדיג אויף דיא שברת הלב, וואָס אַגאַפיא מיכאַילאָוונא האָט געהאַט פון דער נייער בעלהבית'טע, וועלכע האָט פון איהרע הענד ארויסגענומען דיא לייצעס, האָט קיטי פון דעסטוועגען געזיעגט און האָט געצוואונגען דיא אַלטע אגאַפיא צו ליעבען זיא.

— נו, האָב איך איבערגעלעזען דיין בריעף — האָט געזאָגט קיטי, דער־לאַנגענדיג איהם אַן עם־הארצישען בריעף — דאָס דאָזיגע איז פון יענער פרוי, דיין ברודערס, דוכט זיך... — האָט זיא געזאָגט — איך האָב דאָס נאָך ניט גע־לעזען. און דאָס איז פון מיינע און פון דאָללי. שטעל זיך פאָר! דאָללי האָט גע־פיהרט גרישען און טאַניען צו דיא סאַרמאַטסקים אויפ'ן קינדער־באַל; טאַניא איז געווען אַ מאַרקיזע.

אָבער לעווין האָט זיא ניט געהערט: ער האָט, רויט ווערענדיג, גענומען דעם בריעף וואָס איז געקומען פון מאַריא ניקאָלאַיעוונא, דעם ברודערס געוועזענע ליובאָווניצע און האָט זיך גענומען לעזען. דאָס איז געווען שוין אַ צווייטער בריעף פון איהר. אין דעם ערשטען בריעף האָט זיא געשריבען, אַז זיין ברודער האָט זיא ארויסגעיאָגט פאַר קיין שולד ניט פון איהר זייט, און זיא האָט נאַאיוו און ריהרענד צוגעלייגט דערביי, אַז אָבוואָהל זיא איז ווידער אין אָרעמקייט און נויט, אָבער זיא בעט גאָרנישט און פערלאַנגט גאָרנישט, זיא איז בלויז געקריינקט וואָס ניקאָלאַי דמיטריעוויטש וועט אָהן איהר אומקומען ביי זיין שוואַכען געזונד און זיא האָט איהם געבעטען, ער זאָל זאָרגען וועגען איהם. איצט האָט זיא געשיקט נאָך אַ בריעף. זיא האָט געפונען ניקאָלאַי דמיטריטש, איז ווי־דער צוזאַמענגעקומען זיך מיט איהם אין מאָסקווא און איז צוזאַמען מיט איהם אַוועק אין דער גובערנסקער שטאָדט, וואו ער האָט בעקומען אַ שטעלע. אָבער ער האָט זיך דאָרט צוקריגט מיט דעם נאַטשאַלניק און איז אַוועק צוריק קיין מאָסקווא; אויפ'ן וועג איז ער קראַנק געוואָרען און איז איצט אַזוי קראַנק, אַז זיא וויים ניט אויב ער וועט שוין אויפשטעהן. „זיי דערמאָנען אַלץ אייך און קיין געלד איז אויך ניטאָ מעהר“.

— לעז איבער, דאָללי שרייבט דאָ וועגען דיר — האָט אָנגעהויבען קיטי מיט אַ שמייכעל און דאָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט דערזעהענדיג דיא ענדערונג אין מאַנס פּנים — וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט?

— זיא שרייבט מיר, אַז מיין ברודער, ניקאָלאַי, האַלט ביים שטאַרבען. איך וועל פאָהרען.

קיטיס פּנים האָט זיך מיט איין מאָל אָן ענדער געטאָהן. דער געדאַנק, וואָס טאַניא איז געווען אַ מאַרקיזא און וואָס דאָללי האָט געשריבען, איז פערשוואונדען.

— ווען־זשע דיינקסט דוא צו פאָהרען? — האָט זיא געפרעגט.

— מאָרגען.

— און איך קאָן אויך פאָהרען מיט דיר?

— קיטי! נו צו וואָס איז דאָס נאָך נויטיג? — האָט ער געזאָגט מיט פאָרוואורף.

— וואָס הייסט, צו וואָס? — האָט זיך בעליידיגט קיטי פאַר וואָס ער האָט זיך ניט אָנגעכאַפּט גלייך פאַר איהר פאָרשלאַג — פאַר וואָס זאָל איך ניט פאָהרען? איך וועל דיר ניט שטערען. איך....

— איך וועל פאָהרען דערפאַר, ווייל מיין ברודער שטאַרבט — האָט גע־זאָגט לעווין — און צו וואָס זאָלסט דוא...

— צו וואָס? צוליעב דאָסזעלביגע וואָס דוא פאָהרסט.

„און אין אַזאַ וויכטיגען מאָמענט פאַר מיר טראַכט זיא גאָר וועגען דעם וואָס איהר וועט זיין אומעטיג איינער אַליין“, האָט אַ טראַכט געטאָהן לעווין.

— דאָס איז אונמעגליך — האָט ער געזאָגט שטריינג.

אַגאַפיא מיכאַילאָוונא האָט דערזעהען אַז דאָ וועט ארויסקומען צווישען זיי אַ קריעג, האָט זיא שטיל אַוועקגעשטעלט איהר טאַסס טהעע און איז ארויסגע־גאַנגען. קיטי האָט דאָס אפילו ניט באַמערקט. דער טאָן, מיט וועלכען איהר מאַן

האָט געזאָגט דיא לעצטע ווערטער האָט איהר שטאַרק בעליידיגט, בעזאָנדערנס נאָך דערמיט וואָס ער האָט איהר ניט געגלויבט וואָס זיא האָט געזאָגט.

— און איך זאָג דיר, אַז אויב דו וועסט פֿאָהרען, וועל איך מיט דיר אויך פֿאָהרען, ניט אַנדערש — האָט זיא אַ זאָג געטאָהן אַן אויפֿגערעגטע — פֿאַר וואָס איז דאָס אונמעגליך? פֿאַר וואָס זאָגסט דו אַז דאָס איז אונמעגליך?

— דערפֿאַר וואָס פֿאָהרען גאָט ווייס וואוהין — איבער וועלכע וועגען, אין האָטעלען נעכטיגען... דו וועסט מיר זיין אין וועג — האָט געזאָגט לעווין זוכענדיג שוין צו זיין קאַלטבלוטיג.

— עס הויבט זיך ניט אָן. איך דאַרף קיין זאַך ניט. וואו דו קאָנסט זיין דאָרט קאָן איך אויך זיין...

— נו, אָבער שוין איבער דעם אַליין וואָס דאָרט איז דיא דאָזיגע פֿרויענצימער, מיט וועלכער דו קאָנסט ניט זיין אין נאָהענטער בעקאַנטשאַפֿט...

— איך ווייס קיין זאַך ניט און וויל פֿון קיין זאַך ניט וויסען; ווער דאָרט איז און וואָס דאָרט איז, דאָס איז ניט מיין דאגה. איך ווייס בלויז, אַז מיין מאַנס ברודער האַלט ביים שטאַרבען און מיין מאַן פֿאָהרט צו איהם, און איך פֿאָהר מיט מיין מאַן, אום....

— קיטי, זיי ניט אין כעס. דו דאַרפֿסט באַדיינקען, דאָס איז דאָך פֿאַר מיר אַזאַ וויכטיגע אַנגעלעגענהייט, אַז עס קריינקט מיך וואָס דו צומישט דיא שוואַכע געפֿיהלען פֿון ניט וועלען בלייבען אַליין מיט אַזאַ געפֿיהל... נו, אויב דיר וועט אומעטיג זיין צו בלייבען אַליין, דאַן פֿאָהר זיך דורך קיין מאָסקווא.

— אָט אַזוי איז מיט דיר שטענדיג. דו מיינסט אַלץ אַז איך האָב פֿערדאָרבענע, שלעכטע געדאַנקען — האָט זיא שוין געזאָגט מיט טרעהרען, אַן אויפֿגעבראַכטע, אַ בעליידיגטע — איך מיין קיין זאַך ניט.... קיין שוואַכקייט.... קיין.... איך פֿיהל בלויז אַז מיין פֿפֿליכט איז צו זיין מיט מיין מאַן, ווען ער איז אין יסורים, אָבער דו ווילסט מיט אַ כיון ניט פֿאַרשטעהן, ווילסט מיר פֿעראורזאַכען קריינקונג...

— ניין, דאָס איז דאָך שרעקליך! זיין עפּעס שטענדיג אַ מין שקלאַף! — האָט אויסגעשריען לעווין, וועלכער האָט שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען זיין כעס. ער האָט אָבער אין דערזעלבער מינוט דערפֿיהלט, אַז דאָס שלאָגט ער זיך אַליין.

— היינט צו וואָס־זשע האָסט דו חתונה געהאַט? האָסט דו דאָך זיך געקאָנט בלייבען פֿריי. צו וואָס האָסט דו דאָס געטאָהן, אַז דו האָסט חרטה? — האָט זיא אָנגעהויבען, איז אויפֿגעשפּרונגען און איז אַוועקגעלאָפֿען אין זאַל.

ווען ער איז אַריין נאָך איהר, האָט ער זיא געפֿונען שלוכצענדיג פֿון געוויין.

ער האָט אָנגעהויבען ריידען זוכענדיג צו געפֿינען יענע ווערטער, וועלכע זאָלען קאָנען זיא בערוהיגען, וועגען איבעררייִדען אַנדערש איז שוין ניט געווען וואָס צו טראַכטען. זיא האָט איהם ניט אויסגעהערט און איז מיט קיין זאַך ניט געווען איינפֿערשטאַנען. ער האָט זיך אָנגעבויגען צו איהר און האָט גענומען איהר האַנד, וועלכע האָט זיך ניט געלאָזען. ער האָט געקושט איהר האַנד, געקושט איהרע האָאַר, ווידער געקושט דיא האַנד — זיא האָט אַלץ געשוויגען. נור ווען ער האָט

אָנגענומען מיט ביידע הענד איהר פּנים און האָט געזאָגט: „קיטי!“ — איז זיא פלוצלונג געקומען צו זיך, האָט זיך אויסגעוויינט און איז מיט איהם ווידער גוט־פריינד געוואָרען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען זיי זאָלען מאָרגען פאָהרען צוזאמען. לעווין האָט געזאָגט זיין פרוי, אַז ער גלויבט, אַז זיא וויל פאָהרען כדי ניצליך צו זיין, האָט איינגעשטימט, אַז עס איז ניטאָ קיין אונאַנשטענדיגעס אין דעם וואָס מאַריא ניקאָלאַיעוונא געפינט זיך לעבען ברודער; אָבער אין טיעפען הארצען איז ער געפאָהרען אַן אונצופריעדענער מיט איהר און מיט זיך. שוין דאָס אַליין וואָס זיין פרוי, זיין קיטי, וועט זיין אין איין צימער מיט אַ נקבה, האָט איהם אָבגעשוידערט מיט עקעל און שרעק.

17.

דער האָטעל פון דער גובערנסקע שטאָדט, אין וועלכע ניקאָלאַי לעווין איז געלעגען אַ קראַנקער, איז געווען איינער פון יענע האָטעלען, וואָס זיינען איינגעריכט מיט אַלע נייע אויסבעסערונגען, מיט דיא בעכטע אַבזיכטען פון ריינקייט, בעקוועמליכקייט און זאָגאַר עלעגאַנץ, אָבער וועלכע פערוואַנדלען זיך שנעל אין שמוציגע אכסניאס צו פערדאַנקען דעם פּובליקום, וואָס פאָהרט אַהין אַריין, פאַר וועלכע עס פּאַסט זיך דוקאַ אַזוי; און דערפון ווערען דיא דאָזיגע שמוציגע האָטעלס מיט נייע איינריכטונגען ערגער פון דיא אַלטמאָדישע אכסניאס. דער דאָזיגער האָטעל איז שוין געוואָרען אין אַזאַ צושטאַנד; אַ סאָלדאַט אין אַ קויטיגען מונדיר און רויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס, איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, כלומר׳שט אַ שווייצאַר; אַרויפגעהן האָט מען געדאַרפט אויף אַן אייזערנעם, אויסגעגאָכענעם, געגראַטעוועטען, אונאַנגענעהמען טרעפּ; דער קאָרידאָר־דינער, אין אַ שמוציגען פראַק און אונזשענירטע האַלטונג, אַן אַלגעמיינער זאַל מיט אַ פערשטויבטען בוקעט וועקסענע בלומען אויפ׳ן טיש, שמוץ, שטויב, אומפּלייט אומעטום, און אין דערזעלבער צייט עפּעס אַ נייע זעלבסטצופריעדענע אייזענבאַהנישע זארג. דאָס אַלעס האָט אויף דיא לעווינס, נאָך זייער יונגען לעבען, געמאַכט דעם שווערסטען איינדרוק. בעזונדער נאָך דער פאַלשער איינדרוק, וועלכען דער האָטעל מאַכט האָט זיך גאָר ניט צוגעפּאַסט צו דאָס, וואָס זיי ערוואַרט דאָ.

נאָך דעם וויא מען האָט לעווינען אויסגעפרעגט אויף אַ וועלכען פּרייז אַ צימער ער וויל, האָט זיך ערשט אַרויסגעשטעלט, וויא עס איז אימער דער פאַל, אַז קיין גוטער נומער איז ניטאָ. אַלע גוטע נומערן זיינען גראַד פערנומען. אין איין גוטען נומער שטעהט איין דער רעוויזאָר פון אייזענבאַהן; אין צווייטען — אַ מאָסקווער אַדוואָקאַט; אין דריטען — דיא גוט־בעזיצערין פירסטין אסטאַפיעווא, וועלכע איז געקומען צופאָהרען אין שטאָדט. עס איז געבליבען בלויז איין שמוציגער צימער, לעבען וועלכען עס וועט צו אַבענד ליידיג ווערען נאָך אַ צימער.

# אננא קארעגינא

א געקריינקטער פון פערדרוס אויף זיין פרוי, וואס עס האט זיך אויסגעלאזען אזוי וויא ער האט ערווארט, אז אין אזא מאמענט, ווען זיין הארץ איז צונומען מיט דעם ברודערס לאגע, דארף ער זיך גאר זארגען וועגען א בעקוועמען פלאץ פאר איהר אנשטאט צו לויפען גלייך זעהען וואס דער ברודער מאכט, האט לעווין אָב־געפיהרט זיין פרוי אין דעם געדונגענעם צימער.

— געה, געה! — האט זיא געזאגט מילד, קוקענדיג אויף איהם וויא א פערשולדיגטע.

ער איז שווייגענדיג ארויס פון טיהר און האט זיך דא טאקע גלייך אָנ־געשטויסען אויף מאריא ניקאלאיעוונא, וועלכע האט זיך דערוואוסט אז ער איז געקומען צופאהרען און האט געוואלט אריין צו איהם. זיא האט אויסגעזעהען דיע־זעלביגע, וויא ער האט זיא געזעהען אין מאסקווא: דיעזעלביגע וואלענע קלייד, מיט דיא נאקעטע הענד און האלז; דיעזעלביגע גוטמוטהיגע, טעמפע, אביכעל גע־שטופעלטע צורה.

— נו, וויא? וואס מאכט ער?

— זעהר שוואך. זיי שטעהען ניט אויף. זיי האבען אלץ אייך ערווארט. זיי... איהר... מיט אייער פרוי.

לעווין האט ניט פערשטאנען אנפאנגס פון וואס זיא איז אין אזא פערלע־גענהייט, אבער זיא האט איהם גלייך ערקלעהרט.

— איך וועל אוועק, איך וועל זיין אין קיך — האט זיא ארויסגערעדט — זיי וועלען זיך אזוי פרעהען. זיי האבען געהערט, און זיי קענען זיי און געדריינקען זיי פון אויסלאנד.

לעווין האט פערשטאנען, אז זיא רעדט דאס וועגען זיין פרוי און ער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— קומט, קומט! — האט ער געזאגט.

אבער נור וואס ער האט אנגעהויבען געהן וויא דיא טיהר פון זיין נומער האט זיך געעפענט און קיטי האט ארויסגעקוקט. לעווין איז רויט געווארען אויס שאנדע און אויס פערדרוס אויף זיין פרוי, וועלכע האט איהם און זיך אוועקגע־שטעלט אין אזא שווערער לאגע, אבער מאריא ניקאלאיעוונא איז נאך רויטער גע־ווארען. זיא האט זיך עפעס אין גאנצען צונויפגעקנייטשט און איז רויט געווא־רען ביז טרעהרען; זיא האט מיטביידע הענד א כאפ געטאהן דיא ברעגען פון איהר פאטשיילקע, דרעהענדיג זיא מיט איהרע רויטע פינגער און ניט וויסענדיג וואס צו טאהן און וואס צו זאגען.

אין דעם ערשטען אויגענבליק האט לעווין געזעהען וויא קיטי קוקט מיט דעם אויסדרוק פון זשעדנער נייגעריגקייט אויף דער דאזיגער פרוי, וועלכע איז פאר איהר אן אונפערשטענדליכע, שרעקליכע באשעפעניס; אבער דאס האט גע־דויערט בלויז איין מאמענט.

— נו, וואס? וויא איז ער? וואס מאכט ער? — האט זיא זיך געווענדעט צום מאן, דערנאך צו איהר.

— מען קאן דאך אבער ניט שמועסען אין קארידאר! — האט געזאגט לע־

# אננא קארענינא

ווין קוקענדיג מיט פערדרוס אויף א העררן, וועלכער איז אין דער ווײלע דורכגעגאנגען אין קאָרידאָר, וויא וועגען כלומר׳שט זיינע א זאך.

— טאַ קומט דאָך אריין — האָט געזאָגט קיטי צו מאַריא ניקאָלאַיעווּנא, וועלכע איז שוין געקומען צו זיך; אָבער באַמערקענדיג איהר מאַנס צושראָקענעם פּנים האָט זיא זיך א כאַפּ געטאָהן זאָגענדיג: — אָדער געהט בעסער, געהט און שיקט דערנאָך נאָך מיר.

זיא האָט זיך צוריקגעקערט אין איהר צימער און לעווין איז אוועק צום ברודער. ער האָט בשום אופן ניט ערוואַרט דאָס, וואָס ער האָט דערזעהען און דערפיהלט, ווען ער איז אַריין צום ברודער. ער האָט ערוואַרט צו געפינען פיזישע צייכענס פון אָנקומענדען טויט, אָבגעשוואַכטקייט, אויסגעמאַגערטקייט, אָבער דאָך — כמעט דיעזעלבע לאַגע. ער האָט ערוואַרט, אַז ער וועט אַליין דערפיהלען דעם שמערץ און דיא בעדויערונג פון פערלירען אַ געליעבטען ברודער און וועט דערפיהלען דעם שרעק פון טויט, וויא ער האָט געפיהלט דאַן, נור וועט עס איצט פיהלען נאָך שטאַרקער. צו עפּעס אַזעלכעס האָט ער זיך פאַרטיג געמאַכט, אָבער געפונען האָט ער גאָר וואָס אַנדערעס.

אין אַ קליינעם, שמוציגען צימער, מיט פערשפּייטע ווענד, הינטער אַ דינע ווענטעל, אין אַ פאַרשטיקטע לופט, אויף אַ בעטעל, וואָס איז געווען אָבגערוקט פון וואַנד איז געלעגען אַ קערפּער, פאַרצויגען מיט אַ דעקע. איין האַנד פון דעם דאָזיגען קערפּער איז געלעגען פון אויבען אויף דער דעקע. דער קאָפּ איז געלעגען מיט אַ זייט אויף דער קישען. לעווין האָט געזעהען דיא פאַרשוויצטע, שיטערע האָאר אויף דיא שלייפען און דער בעצויגענער, וויא אַ דורכזיכטיגער שטערן.

„עס קאָן ניט זיין, אַז דער דאָזיגער שרעקליכער קערפּער זאָל עס זיין דער קערפּער פון ברודער ניקאָלאַי" האָט אַ טראַכט געטאָהן לעווין. אָבער ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער און האָט שוין ניט געקאָנט צווייפלען. ניט קוקענדיג דערויף וואָס דער פּנים איז געווען שרעקליך פאַרענדערט, האָט לעווין בלויז געדאַרפט אַ קוק טאָהן אויף דיא דאָזיגע אויגען, וועלכע זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אויף איהם, אום צו פאַרשטעהן דעם ישוידערליכען אמת, אַז דער דאָזיגער טויטער קערפּער איז געוועזן זיין לעבעדיגער ברודער.

דיא בליציגע אויגען האָבען שטריינג און מיט פאַרוואורף א קוק געטאָהן אויף דעם אריינקומענדען ברודער. און דער דאָזיגער בליק האָט גלייך פעסטגעשטעלט דיא לעבעדיגע בעציהונג צווישען דיא לעבענדע. לעווין האָט אין דעם בליק דערפיהלט א פאָרוואורף געגען זיך. און ער האָט חרטה געהאַט וואָס ער איז גליקליך.

ווען קאָנסטאַנטין האָט אָנגענומען זיין האַנד האָט ניקאָלאַי א שמייכעל געטאָהן.

— דוא האָסט ניט ערוואַרט צו געפינען מיך אין אַזא לאַגע — האָט ער אַרויסגערעדט מיט גרוים מיה.

— יא. . . ניין — האָט געזאָגט לעווין, פּלאָנטערנדיג דיא ווערטער — ווי האָסט דוא דאָס מיך ניט געלאָזט וויסען פריהער, דאָס הייסט נאָך דאַן, ווען איך בין געגאַנגען חתונה האָבען? איך האָב אַלץ געזוכט אויסצוגעפינען וועגען דיר.

# א נ נ א  ק א ר ע נ י נ א

מען האט געדארפט עפעס ריידען אום ניט צו שווייגען, און ער האט ניט געוואוכט וואס צו ריידען, און בפרט אז דער ברודער האט גארנישט געענטפערט און האט בלויז געקוקט, ניט אראבלאזענדיג דיא אויגען און איז וויא עס שיינט, אריינגעדרונגען אין דער בעדייטונג פון יעדען ווארט. לעווין האט געזאגט דעם ברודער, אז זיין פרוי איז געקומען מיט איהם. ניקאלאי איז געוועזן צופריעדען דערפון, האט אבער ערקלעהרט, אז ער האט מורא, זיא זאל זיך ניט דערשרעקען פון זיין צושטאנד. עס איז אנגעקומען א שטילקייט. פלוצלונג האט ניקאלאי אנגעהויבען אונרוהיג צו בעוועגען זיך און האט אנגעהייבען עפעס ריידען. לעווין האט ערווארט אז ער וויל עפעס זאגען וואס וויכטיגעס לויט דעם אויסדרוק פון זיין פנים. ער האט בעשולדיגט דעם דאקטאר, האט בעדויערט וואס דא געפינט זיך ניט דער בעריהמטער מאסקווער דאקטאר, און לעווין האט דערפון פערשטאנען, אז ער האפט נאך אלץ.

לעווין האט אויסגעוועהלט א פאסענדע מינוט, האט זיך אויפגעהויבען, וועלענדיג אויף איין ווײלע וויניגסטענס צו בעפרייען זיך פון דעם מאטערנדען געפיהל, און ער האט געזאגט, אז ער געהט ברייגען זיין פרוי.

— נו, גוט, און איך וועל הייסען דא ריינער מאכען. דא איז אזוי שמוציג און עס עיפוש׳ט, איך דיינק. מאשא, קלייב דא צו — האט מיט מיה ארויסגערעדט דער קראנקער — און ווען דוא ועסט צוקלייבען, דאן געה אליין ארויס — האט ער געזאגט, קוקענדיג פראגליך אויפ׳ן ברודער.

לעווין האט גארנישט געענטפערט. ארויסגעהענדיג אין קארידאר האט ער זיך אבגעשטעלט. ער האט געזאגט, אז ער וועט ברייגען דיא פרוי, אבער געבענדיג זיך איצט א רעכענונג אין זיין געפיהל, האט ער בעשלאסען, אז פארקעהרט, ער וועט זיא אברײדען, אז זיא זאל ניט אריינגעהן צו דעם קראנקען. „צו וואס זאל זיא זיך אויך פייניגען אזוי וויא איך?“ האט ער א טראכט געטאהן.

— נו וואס? וויא איז ער? — האט מיט א צושראקענעם פנים א פרעג געטאהן קיטי.

— אך, דאס איז שרעקליך, דאס איז שרעקליך! צו וואס ביסט דוא אהער געפאהרען? — האט געזאגט לעווין.

קיטי האט עטליכע מינוט געשוויגען, מיט רחמנות קוקענדיג אויפ׳ן מאן; דערנאך איז זיא צוגעגאנגען און האט מיטביידע הענד אנגענומען זיין עלענבויגען.

— קאסטיא, פיהר מיך צו איהם, פאר ביידען וועט אונז לייכטער זיין. דוא פיהר מיך בלויז צו, פיהר מיך צו אהין און אליין געה אוועק — האט זיא אנגעהויבען איינרײדען — פארשטעה דאך, אז פאר מיר איז מעהר פייניגונג צו זעהן דיך און ניט צו זעהען איהם. דארט קאן איך פיעלייכט ניצליך זיין אי איהם אי דיר. איך בעט דיך, ערלויב מיר דאס! — האט זיא זיך געבעטען ביי איהר מאן, אזוי וויא דאס גליק פון זייער לעבען וואלט אבגעהאנגען דערפון.

לעווין האט געמוזט איינשטימען, ער האט שוין גאר פארגעסען וועגען מאריא ניקאלאיעוונא און ער איז אוועק ווידער מיט קיטין צום ברודער. מיט שטילע טריט איז זיא אריינגעגאנגען אין צימער און איז צוגעגאנגען צום געלע־

גער פון דעם קראַנקען; זיא איז צוגעגאַנגען צום בעטעל אַזוי אַז ער זאָל זיך ניט דאַרפען אַ קעהר טאָהן דעם קאָפּ און זיא האָט גלייך אַריינגענומען אין איהר פרישע, יונגע האַנד דיא גרויסע ביינערדיגע האַנד, האָט זיא אַ דריק געטאָהן און מיט אַ לעבעדיגקייט, וועלכע איז מיטפיהלענד און ניט־בעליידיגענד, וויא בלויז אַ פרויענצימער איז עס אים שטאַנד, האָט זיא אָנגעהויבען מיט איהם צו ריידען.

— מיר האָבען זיך בעגעגענט, אָבער זיינען ניט געוועזען בעקאַנט, אין סאָדען — האָט זיא געזאָגט — איהר האָט דעמאָלט ניט גערדיינקט, אַז איך וועל זיין אייערע אַ שוועסטער.

— איהר וואָלט מיך ניט דערקענט? — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל, וועלכער האָט אַ שיין געטאָהן אויף זיין פנים גלייך וויא זיא איז אריין.

— ניין, איך וואָלט אייך זעהר דערקענט. וויא גוט דאָס איז געוועזען פון אייך וואָס איהר האָט אונז געלאָזט וויסען וועגען זיך. עס איז ניט אַוועק קיין טאָג וואָס קאסטיא זאָל אייך ניט דערמאָהנען און ניט בעאונרוהיגען זיך.

אָבער דעם קראַנקענס מונטערקייט איז געוועזען ניט אויף לאַנג. זיא האָט נאָך ניט אויפגעהערט ריידען, וויא זיין פנים איז געוואָרען ערענסט און האָט אויסגעדריקט פאָרוואורף און בענײדונג פון אַ שטערבענדען צו דאָס לעבעדיגע.

— איך האָב מורא, אַז פאַר אייך איז דאָ ניט זעהר גוט — האָט זיא געזאָגט, אָבקעהרענדיג זיך פון זיין צודרינגליכען בליק און בעקוקענדיג דעם צימער — מען וועט דאַרפען אַ בעט טאָהן דעם בעל־הבית ער זאָל געבען אַן אַנדער צימער — האָט זיא אַ זאָג געטאָהן דעם מאַן — און דערצו אַזאַ צימער, אַז אונז זאָל זיין נעהנטער.

.18

לעווין האָט רוהיג ניט געקאָנט קוקען אויפ'ן ברודער, ער האָט אליין ניט געקאָנט זיין נאַטירליך און רוהיג אין זיין אנוועזענהייט. ווען ער איז אריין צום קראַנקען האָבען זיך ביי איהם דיא אויגען פאַרצויגען און ער האָט דיא אייגצעלהייטען נישט געקאָנט זעהען וואָס ארום אין צימער טהוט זיך. ער האָט געהערט דעם שרעקליכען ריח, האָט געזעהען דיא שמוץ, דיא אונאָרדנונג, דיא פיינליכע לאַגע פון דעם קראַנקען, האָט געהערט זיינע קרעכצען און האָט געפיהלט, אַז מען קאָן דערצו ניט העלפען. איהם איז גאָר אויפ'ן זינען ניט אַרויפגעקומען אַ טראַכט צו טאָהן וועגען דיא אייגצעלהייטען, וויא דאָרט, אונטערן דעקע, איז געלעגען דער דאָזיגער קערפּער, צו קאָן מען ניט מאַכען, אַז עס זאָל זיין בעקוועמער פאַר'ן רוקען, פאַר דיא פיס, פאַר דיא קנעכלעך, טאָהן עפּעס פון וואָס דעם קראַנקען זאָל אויב ניט בעסער ווערן זאָל איהם אָבער ווייניגער שמערצליך זיין. לעווין איז געוועזען איבערצייגט, אַז עס קאָן קיין זאַך ניט געטאָהן ווערן ניט צו פערלייגערן דעם לעבען און ניט צו פערלייכטערן דיא ליידען. אָבער דער קראַנקער האָט געפיהלט, אַז ער מיינט אַזוי און איז דערפון געוואָרען אויפגערעגט. לעווינען איז דער־

פון געוואָרען נאָך שווערער איפ'ן הארצען. זיצען אין דעם קראַנקענס צימער איז פאר איהם געוועזן א מאַטערנעס; ניט זיין דאָרט — נאָך ערגער. און ער איז יעדע ווייל מיט פערשיעדענע אויסריידען ארויס און אריין.

אָבער קיטי האָט געטראַכט, געפיהלט און געהאַנדעלט גאָר ניט אזוי. דערזעהענדיג דעם קראַנקען, האָט זיא אויף איהם גלייך רחמנות געקריגען. אויף איהר האָט דיא לאַגע פון דעם קראַנקען און דער ארומיגער צושטאַנד גאָר ניט געמאַכט יענעם איינדרוק פון אבשטויס און שרעק, וויא דאָס האָט געמאַכט אויף איהר מאַן; אין איהר האָט דער רחמנות, פערקעהרט, ארויסגערופען דיא נויטיגקייט צו טאָהן עפּעס, דערוויסען זיך אַלע איינצעלהייטען פון דער לאַגע און העלפען מיט עפּעס. און זיא האָט זיך גלייך גענומען פאר דער ארבייט. זיא האָט געשיקט נאָך דעם דאָקטאָר, האָט געשיקט אין אַפּטייק, האָט געהייסען דער דיענסט־מיידעל, וואָס איז מיט איהר געקומען, זיא זאָל צוזאַמען מיט מאַריא ניקאָלאַיעוונא אויסקעהרען, אויפראַמען, אָבווישען דעם שטויב, ארומוואשען, האָט אַליין עפּעס געוואשען, געשווענקט, אונטערגעלייגט אונטערן דעקע. אויף איהר בעפעהל האָט מען ארויסגעטראָגען זאַכען, אריינגעטראָגען זאַכען. זיא איז אַליין איינינגע מאָהל געלאָפען צו זיך אין צימער און האָט געבראַכט לייליכער, ציכלעך, האַנטוכלעך, העמדער.

דער לאָקיי, וועלכער איז געוועזן פערנומען מיט סערווירען מיטאָג פאר דיא אינזשענערען אין דעם אלגעמיינעם זאאַל, האָט עטליכע מאָהל געמוזט אוועקווארפען אין מיטען מיט א כעס'דיגען פּנים און האָט געמוזט לויפען פון איהרט וועגען, וואוהין זיא האָט געהייסען. זיא פלעגט איהם בעפעהלען מיט אזא מילדקייט און ווייכקייט, אז ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפען און האָט ניט ווילענדיג געמוזט טאָהן וואָס זיא האָט פון איהם פערלאַנגט. לעווין האָט דערויף געקוקט קרום, ער האָט ניט געגלויבט, אז פון דעם אַלעם זאָלען ארויסקומען וועלכע ניט איז נוצען פאר'ן קראַנקען. און הויפּטזעכליך האָט ער מורא געהאַט, אז דער קראַנקער זאָל ניט אין כעס ווערן. אָבער דער קראַנקער איז ניט אין כעס געוואָרען און האָט געקוקט גלייכגילטיג אויף אַלעם וואָס ווערט געטאָהן ארום איהם. לעווין האָט זיך אומגעקעהרט פון דאָקטאָר, נאָך וועמען קיטי האָט איהם געשיקט און ער איז אריין אין קראַנקענס צימער אקוראַט אין דער מינוט, ווען מען האָט איהם איבערגעטאָהן וועש לויט קיטי'ס פערלאַנג. דער לאַנגער, ווייסער סקעלעט מיט די גרויסע אויסגעכטאַרטשעטע לאָפּעטקעס און זייטען־ריפּען איז געווען נאַקעט, און מאַריא ניקאָלאַיעוונא מיט דעם לאָקיי האָבען זיך פערפּלאָנטערט אין אן ארבעל פון העמד און האָבען ניט געקאָנט אריינקריגען אין איהר דיא לאַנגע, הייננענדע האַנד פון דעם קראַנקען. קיטי האָט שנעל פערמאַכט דיא טיהר, ווען לעווין איז אריין און האָט ניט געקוקט אין יענער זייט; אָבער דער קראַנקער האָט אָנגעהויבען צו קרעכצען, און זיא איז שנעל צוגעלאָפען צו איהם.

— מאַכט דאָך ראָס גיכער — האָט זיא געזאָגט.

— אָבער געהט דאָך ניט צו — האָט א זאָג געטאָהן בייזלעך דער קראַנקער — איך וועל אַליין...

— וואָס זאָגט איהר? — האָט איבערגעפרעגט מאַריא ניקאָלאַיעוונא.

אָבער קיטי האָט געהערט און האָט פערשטאַנען, אז ער שעהמט זיך און איהם איז אונאַנגענעהם צו זיין נאַקעט פאר איהר.

— איך קוק ניט, איך קוק ניט! — האָט זיא געזאָגט פערריכטענדיג זיין האַנד אין אַרבעל — און איהר מאַריא ניקאָלאיעוונא געהט פון יענער זייט, מאַכט צורעכט — האָט זיא געהייסען.

געה, זיי אזוי גוט, ביי מיר אין קליינעם רייזע־טאַש וועסט דוא געפינען א פלעשעלע — האָט זיא זיך א ווענד געטאָהן צום מאַן — ברייגג עס אהער און דערווייל וועט דאָ שוין זיין אין גאַנצען אויפגערוימט.

ווען לעווין איז געקומען צוריק מיט׳ן פלעשעלע, האָט ער שוין געפונען דעם קראַנקען אוועקגעלייגט און אלעס ארום אין גאַנצען געענדערט. דער שווערער גערויך איז פערביטען געוואָרען אויף דעם ריח פון עסיג מיט פאַרפיום, וועלכע קיטי האָט געשפריצט מיט אויסגעשטעלטע ליפען און אָנגעבלאָזענע רויטע באַקען. קיין שטויב איז ערגעץ ניט געווען צו זעהען. אויפ׳ן טיש זיינען געשטאַנען פּינקטליך צושטעלט פלעשעלעך, גלעזעלעך און נויטיגע וויסצייג און קיטיס האַנדארבייט איז שוין דאָ אויך געלעגען. אויפ׳ן צווייטען טישעל, לעבען קראַנקענס בעטעל, זיינען געווען זאכען צום טרינקען, פּראָשקעס און א ליכט. דער קראַנקער אליין אָן איינגעוואַשענער, צוגעקאַמטער, איז געלעגען אויף ריינע בעט־צייג, אויף הויך אויפגעהויבענע קישעלעך, אין א ריינע העמד מיט א ווייסען קראַגען ארום דער אוננאַטירליך דינע האַלז און מיט א נייעם אויסדרוק פון האָפנונג, ניט אראָבנעהמענדיג דיא אויגען פון קיטי.

דער דאָקטאָר, וועלכען לעווין האָט געפונען אין קלוב, איז ניט געווען דער שטענדיגער דאָקטאָר וואָס האָט קורירט ניקאָלאיען און מיט וועלכען ער איז געווען אונצופריעדען. דער נייער דאָקטאָר האָט ארויסגענומען א טרייבעלע און האָט גוט אויסגעהערט דעם קראַנקען, האָט א שאָקעל געטאָהן מיט׳ן קאָפּ, האָט פארשריבען א רעצעפּט און האָט מיט בעזונדערע איינצעלהייטען ערקלעהרט גענוי וויא מען דאַרף איינגעהמען דיא רפואה און דערנאָך וועלכע דיעטע מען זאָל אָבהיטען. ער האָט געראַטהען צו געבען איהם שיטערע אייער און זעלצער־וואַסער מיט געבריהטע מילך פון א בעשטימטער טעמפּעראַטור. ווען דער דאָקטאָר איז אוועק, האָט דער קראַנקער געזאָגט עפּעס לעווינען, אָבער לעווין האָט געהערט בלויז דיא לעצטע ווערטער: „דיין קאַטיא.“ פון דעם בליק אָבער, מיט וועלכען ער האָט א קוק געטאָהן אויף איהר, האָט לעווין פערשטאַנען, אז ער האָט זיא געלויבט. ער האָט צוגערופען אויך קאַטיאַן, וויא ער האָט זיא גערופען.

— מיר איז שוין בעדייטענד בעסער — האָט ער געזאָגט — מיט אייך וואָלט איך שוין לאַנג געזונד געוואָרען. וויא גוט! — ער האָט גענומען איהר האַנד און האָט א ציה געטאָהן צו זיינע ליפען, אָבער עפּעס וויא מורא האָבענדיג, אז דאָס קאָן איהר זיין אונאַנגענעהם, האָט ער ארויסגעלאָזען איהר האַנד און האָט זיא בלויז א גלעט געטאָהן. קיטי האָט אָנגענומען זיין האַנד אין איהרעביידע און האָט זיא צערטליך א דריק געטאָהן.

— און איצט לייגט מיך אוועק אויף דער לינקער זייט און געהט שלאָפען — האָט ער געזאָגט.

## אננא קארענינא

קיינער האָט ניט געהערט גוט וואָס ער האָט געזאָגט, בלויז קיטי האָט פערשטאַנען, ווייל זיא האָט אָהן אויפהער נאָכגעפאָלגט אלעס וואָס איהם קאָן נויטיג זיין.

— אויף דער אנדער זייט — האָט זיא געזאָגט דעם מאַן — ער שלאָפט אימער אויף יענער זייט. קעהר דוא איהם איבער, עס איז ניט אנגענעהם צו רופען יעדען מאָהל דיא דינער. מיר איז דאָס שווער. און איהר וועט אויך ניט קאָנען — האָט זיא זיך א ווענד געטאָהן צו מאריא ניקאָלאיעוונא.

וויא שרעקליך עס איז ניט געווען פאר לעווינען ארומצונעהמען מיט זיינע הענד דעם דאָזיגען מורא׳דיגען קערפער, אָנצונעהמען דיא פלעצער אונטער דער דעקע, אָבער ער האָט זיך אונטערגעגעבען דעם איינפלוס פון דער פרוי. אין דער צייט וואָס ער האָט איהם געקעהרט, פיהלענדיג וויא זיין נאַקען איז ארומגענומען פון דער מורא׳דיג ביינערדיגע אויסגעמאָגערטע האַנד, האָט קיטי שנעל און גאַנץ שטיל איבערגעקעהרט דיא קישעלע, האָט זיא אויפגעשלאָגען און האָט פעררירכט דעם קראַנקענס קאָפּ און זיינע שיטערע האָאר, וועלכע האָבען זיך ווידער צוגעקלעפּט צו דיא שלייפען.

דער קראַנקער האָט אָנגעהאַלטען אין זיין האַנד דעם ברודערס האַנד. לעווין האָט געפיהלט, אז ער וויל עפּעס טאָהן מיט זיין האַנד און ציהט זיא ער־געץ. ער האָט זיך געלאָזען, בלייבענדיג וויא א פערשטאָרבענער. יא, ער האָט צוגעצויגען דיא האַנד צו זיין מויל און האָט זיא א קוש געטאָהן. לעווין איז פער־טרויסעלט געוואָרען, האָט אויסגעבראָכען אין שלוכצען, און ניט האָבענדיג קיין כח צו זאָגען עפּעס, איז ער ארויס פון צימער א וויינענדיגער.

„האָט בעהאַלטען פון דיא חכמים און האָט דאָס ענטדעקט פאר קינדער און פאר ניט־חכמים,“ האָט א טראַכט געטאָהן לעווין וועגען זיין פרוי, ווען ער האָט מיט איהר געשמועסט דעמזעלביגען אבענד.

לעווין האָט דאָס געטראַכט וועגען דעם עוואַנגעלישען שפּרוך ניט דער־פאר ווייל ער האָט זיך געהאַלטען פאר א גרויסען חכם. ער האָט זיך ניט גע־האַלטען פאר אזא חכם, ער האָט אָבער ניט געקאָנט ניט וויסען, אז ער איז קלע־נער פון זיין פרוי און פון דער אלטער אגאפיא מיכאליאוונא, און ער האָט ניט געקאָנט ניט וויסען, אז ווען ער האָט געטראַכט וועגען טויט, האָט ער געטראַכט וועגען דעם מיט אלע כחות פון זיין נשמה. ער האָט אויך געוואוסט אז פיעלע מענער מיט גרויס שכל, וועלכע ער האָט געלעזען, האָבען געטראַכט וועגען דעם און זיי האָבען ניט געוואוסט קיין הונדערט־חלק פון דעם וואָס האָט געוואוסט זיין פרוי און אגאפיא מיכאילאָוונא.

וואָס פאר אַן אונטערשיעד עס זאָל ניט זיין צווישען די דאָזיגע צוויי פרויען, אגאפיא מיכאילאָוונא און קאַטיא, וויא ברודער ניקאָלאַי האָט זיא גע־רופען און וויא לעווינען איז געוואָרען בעזונדער אנגענעהם זיא צו רופען, זיינען זיי דעריין געווען אין גאַנצען עהנליך. זיי האָבען ביידע געוואוסט וואָס אזוינס איז לעבען און וואָס עס איז אזוינס טויט און אָבוואָהל זיי וואָלטען ניט געקאָנט ענטפערען אויף אזעלכע פראַגען, אָדער אפילו פארשטעהען אזעלכע פראַגען, וועלכע האָבען זיך פאָרגעשטעלט לעווינען, האָבען דאָך ביידע ניט געצוויי־

פעלט אין דער בעדייטונג פון דער דאזיגער ערשיינונג און האבען געקוקט אויף דער ערשיינונג פון טויטביידע גלייך, וויא מיליאנען מענשען קוקען. אלס א בעוויז, אז זיי האבען געוואוסט פעסט וואס דאס איז אזוינס טויט, קאן דיענען דאס וואס זיי האבען אויף קיין מינוט ניט געצווייפעלט, האבען געוואוסט וויא מען דארף זיך בעגעהן מיט שטערבענדע, און האבען פאר זיי קיין מורא ניט געהאט. לעווין אבער און אנדערע האבען אפילו זעהר פיעל געקאנט זאגען וועגען טויט, האבען אבער ניט געוואוסט וואס דאס איז, האבען ניט געוואוסט וואס צו טאהן ווען מענשען שטארבען. ווען לעווין וואלט איצט פארבליבען אליין מיט זיין ברודער ניקאלאי, וואלט ער אויף איהם געקוקט מיט שרעק און וואלט נאך מיט מעהר שרעק געווארט און וואלט קיין זאך ניט געקענט טאהן.

אויסער דעם האט ער ניט געוואוסט, וואס צו ריידען, וויא צו קוקען, וויא צו געהן. ריידען וועגען זייטיגע זאכען האט איהם געשיינט אלס א בעליידיגונג, מען טאר ניט; ריידען וועגען טויט, וועגען טרויעריגעס — טאר מען אויך ניט. שווייגען — ניט. קוקען — וועט זיך דעם קראנקען דוכטען, אז מען טראכט וועגען עפעס אנדערש און ניט וועגען זיין לאגע. געהן אויף דיא שפיץ פינגער — וועט ער זיין אונצופריעדען; געהן שטארק וויא געוועהנליך — וויא קאן מען האבען א הארץ דערצו? קיטי האט אבער אפנים גאר ניט געטראכט וועגען זיך און האט גאר דערצו קיין צייט ניט געהאט; זיא האט געטראכט וועגען איהם, וועגען דעם קראנקען און אלעס איז עפעס ביי איהר אויסגעקומען וויא מען בעדארף. זיא האט אפילו דערצעהלט דעם קראנקען וועגען איהר חתונה און זיא האט צו איהם געשמייכעלט, און האט בעדויערט, און האט איהם געצערטעלט, און האט דערצעהלט וועגען פעלע, יוויא מענשען זיינען געוועזן געפעהרליך קראנק און זיינען געזונד געווארען, און אלעס איז אויסגעקומען אזוי גלאט און גוט; מסתמא האט זיא דאך געוואוסט. און אויסער דעם פיזישען אומגאנג ארום דעם קראנקען, האט קיטי געוואוסט נאך עפעס, וואס איז פאר איהם נויטיג וויא דאס האט געוואוסט אגאפיא מיכאילאוונא. ריידענדיג אמאל וועגען א שטארבענדען אלטען מאן, האט אגאפיא מיכאילאוונא געזאגט: „דאנקען גאט, וידוי געזאגט, תשובה געטאהן, גיב גאט פאר אלעמען ניט ערגער צו שטארבען.“ און אזוי איז קאטיא אויך בעגאנגען זיך מיט זיין שטארבענדען ברודער; זיא האט ניט בלויז געזארגט אז ווייסע וועש זאל מען איהם אנטאהן, וויא אונטערצובעטען איהם זאל זיין בעקוועמער צו ליגען, וואס ער זאל טרינקען, א. ז. וו. זיא האט אויך געפונען פאר נויטיג טאהן אלעס וואס געהעריג איז פאר וידוי און תשובה, באהעפטען אידם צו דער קירכע.

ווען זיא האט זיך מיט לעווינען צוריקגעקעהרט פון דעם קראנקענס צימער אין זייערע נומערען, האט לעווין געזעצט זיך מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ, ניט וויסענדיג וואס צו טאהן. קיטי איז פארקעהרט געוועזן איצט טהעטיגער איידער געוועהנליך, זיא האט געהייסען אריינטראגען אבענד־ברויט, האט אליין צונומען דיא זאכען, האט געהאלפען מאכען דיא בעטען און ניט פערגעסען צו בעשיטען זיי מיט פערזישע פולווער. אלעס איז ביי איהר אונטער דיא הענד געגאנגען שנעל, האט זיך אבגעטאהן פלינק, אזוי אז עס אי. נאך ניט געוועזן קיין

צוועלף א זייגער, וויא אַלעס איז שוין געווען אין בעסטער אָרדנונג און דיא צימערן זיינען געווען עהנליך אויף איהרע היימישע צימערן: דיא בעטען אויסגעבעט, שפּיגעלאַך, קעמעלאַך, בערשטעלאַך און סאַלפּעטקעס זיינען געווען צוּשטעלט און אויסגעלייגט וויא געהעריג איז.

ביי לעווינען איז אויסגעקומען אַז עס איז אונפערצייהליך אין אַזאַ מאָמענט צו עסען, ריידען, שלאָפען און האָט געפיהלט, אַז זיין יעדער בעוועגונג איז עפּעס אונפּאַסיג פאר אַזאַ צייט. ביי איהר האָט זיך אָבער אַלעס געפּאַסט; זיא האָט צונומען דוכט זיך דיא בערשטעלאַך, אָבער האָט דאָס געטאָהן אַזוי, אַז דעריין איז קיין אונפּאַסיגעס, בעליידיגענדעס ניט געווען. עסען האָבען זיי אָבער גאָר נישט געקאָנט, און האָבען זיך לאַנג ניט געקאָנט שלאָפען לייגען.

— איך בין זעהר גערן, וואָס איך האָב איהם איינגערעדט, ער זאָל מאָרען וידוי זאָגען מיט'ן גלח — האָט זיא געזאָגט, זיצענדיג בעפאר דעם שפּיגעל און צוקאמענדיג איהרע ווייכע, שמעקענדיגע האָאר — איך האָב קיינמאָל ניט געזעהען, וויא דאָס קומט פאָר, אָבער דיא מאַמע האָט מיר אַמאָל דערצעהלט, אַז בשעת מעשה ווערען געזאָגט תפילות פאר אַ רפואה.

— גלויבסט דו דען, אַז ער קאָן נאָך געזונד ווערען? — האָט געזאָגט לעווין.

— איך האָב געפרעגט דעם דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר זאָגט, אַז ער וועט מעהר ניט ציהען וויא נאָך אַ טעג דריי. אָבער זיי קאָנען דען וויסען? איך בין פון דעסטוועגען זעהר צופריעדען וואָס איך האָב איהם צוגערעדט. אַלעס קאָן מעגליך זיין.

נאָך דעם געשפּרעך, וואָס זיי האָבען אַמאָל געהאַט וועגען רעליגיאָן, ווען זיי זיינען נאָך געווען חתן־כלה, האָבען זיי קיין מאָהל דעם געגענשטאַנד ניט בעריהרט, אָבער זיא האָט ערפילט אַלעס בנוגע צו דער קירכע, איז געגאַנגען צו גאָטעס־דיענסט, אימער מיט דעם רוהיגען בעוואוסט־זיין, אַז אַזוי דאַרף מען טאָהן. ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער פלעגט זיא פערזיכערען אַז ער גלויבט ניט, איז זיא געווען ביי זיך זיכער, אַז ער איז אויך אַזאַ קריסט אַזוי וויא זיא, אויב ניט נאָך אַ בעסערער פון איהר. און דאָס וואָס ער רעדט אַזוי, איז דאָס בלויז איינע פון דיא קאָמישע זייטען פון דיא מענער.

— יא, — האָט געזאָגט ענדליך לעווין — דיא דאָזיגע פרוי, מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ האָט דאָך דאָס אַלעס ניט געקאָנט מאַכען. און... איך מוז געשטעהן, אַז עס פרעהט מיך זעהר וואָס דו ביסט געפאָהרען אַהער מיט מיר. דוא ביסט אַזאַ זויבערקייט, אַז... ער האָט גענומען איהר האַנד און האָט ניט געקושט. איהם האָט געשיינט, אַז עס איז עפּעס אונפּאַסיג איצט אין דער אַנוועזענהייט פון טויט הנאה צו האָבען פון קושען זיך.

— דיר וואָלט אַזוי שווער זיין דאָ איינעם אַליין — האָט זיא געזאָגט און אויפהויבענדיג הויך דיא הענד, האָט זיא פערדרעהט איהרע צוקאַמטע האָאר אין אַ קנופּ און האָט דאָס צוגעשפּילעט מיט האאר־נאָדלען אויף דער פּאַטיליצע — איך האָב זיך, צום גליק, אויסגעלערענט פיעלעס וויא אַרום קראַנקע ארומצוגעהן, ווען איך בין געווען אין סאַרען.

— זיינען דען דאָרט אויך געוועזען אזעלכע קראַנקע?
— נאָך ערגערע.
— פאַר מיר איז שרעקליכער פון אלעס דאָס, וואָס איך קאָן ניט זעהען איהם וויא ער האָט אויסגעזעהען ווען ער איז געוועזען יונג... דוא וועכסט ניט גלויבען וואָס פאַר א פרעכטיגער יונגער מענש ער איז געוועזען. איך האָב איהם אָבער לוידער דאַן ניט פערשטאַנען.
— אָ, איך גלויב זעהר. איך פיהל, אז ווען איך וואָלט איהם דעמאָלט געקענט *וואָלטען* מיר זעהר פריינדליך געוועזען מיט איהם — האָט זיא געזאָגט און האָט זיך אליין צושראָקען פאַר איהרע ווערטער און טרעהרען האָבען זיך געוויזען אין איהרע אויגען.
— יא, *וואָלט געוועזען* — האָט ער געענטפערט טרויעריג — ער איז איינער פון דיא מענשען, וועגען וועלכע מען זאָגט, אז זיי זיינען ניט פאַר *דער* וועלט.
— אָבער אונז שטעהען נאָך פאַר פיעלע טעג, מען דאַרף זיך לייגען — האָט געזאָגט קיטי, א קוק טאָהנדיג אויף איהר קליינינקען זייגערעל.

20

## דער טויט.

אויף דעם צווייטען טאָג האָט מען מיט דעם קראַנקען געטאָהן דאָס רעכט, אלע צערעמאָניעס פון ווידוי און תשובה. אין דער צייט פון דער דאָזיגער הייליגער צערעמאָניע האָט ניקאָלאַי לעווין היים תפלה געטאָהן. אין דיא גרויסע אויגען, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף דעם הייליגען בילד, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף א קאָלירטער טישטוך אויפ'ן טישעל, איז געווען אויסגעדריקט אזא געבעט און האָפנונג, אז לעווינען איז געווען שרעקליך צו קוקען ־ערויף. לעווין האָט געוואוסט, אַז דיא דאָזיגע הייסע תפילות און האָפענונג וועלען מאַכען, אַז דעם שטערבענדען וועט זיין נאָך שווערער צו שיידען זיך מיט'ן לעבען, וועלכען ער האָט אַזוי געליבט. לעווין האָט געקענט דעם ברודער און האָט געוואוכט זיינע געדאַנקען; ער האָט געוואוסט אז זיין אונגלויבען איז געקומען ניט דערפון, וואָס איהם זאָל זיין לייכטער צו לעבען אָהן אמונה, נאָר דערפון וואָס טריט פאַר טריט האָבען דיא מאָדערנע וויסענשאַפטליכע ערקלערונגען פון דיא וועלט־ערשיינונגען ארויסגעשטופּט דעם גלויבען, און דאַרום האָט ער געוואוסט, אַז דיא איצטיגע תשובה איז ניט קיין ריכטיגע, וואָס זאָל קומען דורך אייגענעם נאָכדיינקען; עס איז בלויז געוועזען אויס פערזענליכע צוועקען, דאָס איז געוועזען דיא וואַהנזיניגע האָפנונג געזונד צו ווערען, אויסצוהיילען זיך.

לעווין האָט אויך געוואוסט, אַז קיטי האָט פערשטאַרקט אין איהם דיא

דאָזיגע האָפנונג מיט איהרע ערצעהלונגען וועגען מעשיות. וואָס זיא האָט געהערט פון מענשען וועלכע זיינען אויסגעהיילט געוואָרען. אין דער צייט פון דיא ראָזיגע תפילות און תשובה־צערעמאָניע האָט לעווין געטאָהן דאָס, וואָס ער האָט געטאָהן שוין אזוי טויזענדע מאָהל אין זיין לעבען. ער האָט גערעדט, ווענדענדיג זיך צו גאָט: „טוה, מאַך, אויב דוא עקזיסטירסט, מאַך אז דער דאָזיגער מענש זאָל אויסגעהיילט ווערען און דוא וועסט ראַטעווען איהם און מיך.“

נאָך דעם וויא מען האָט דעם קראַנקען בעשמירט מיט דעם הייליגען אויל איז איהם פלוצלונג געוואָרען בעסער. ער האָט אויפגעהערט צו הוסטען פאר א גאַנצער שטונדע, האָט געשמייכעלט, האָט געקושט קיטים האַנד, האָט מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהר געדאַנקט, און האָט געזאָגט אז ער פיהלט איצט גוט, איהם טהוט ערגעץ ניט וועה, ער פיהלט קרעפטיגער און האָט אפעטיט. וויא האָפענונגסלאָז זיין לאַגע איז ניט געוועזען, וויא אָפען מען האָט ניט געזעהען אויף איהם, אז געזונד ווערען קאָן ער שוין ניט, פון דעסטוועגען האָבען לעווין און קיטי אין דער דאָזיגער שטונדע געפיהלט זיך עפעס גליקליכער פון פריהער און האָבען געציטערט, אז זייער געפיהל זאָל זיי ניט אָבנאַרען.

אָבער ניט לאַנג האָט דאָס געדויערט. דער קראַנקער איז רוהיג איינגעשלאָפען, אָבער באַלד האָט איהם דער הוסט אויפגעוועקט. און פלוצלונג איז ביי דיא אַרומיגע פערשוואונדען יעדע האָפענונג, און אַזוי אויך ביי איהם אליין. ניט דערמאָנענדיג שוין קיין זאַך, אין וואָס ער האָט ערשט מיט א שטונדע צוריק געגלויבט, האָט ער געפאָדערט אז מען זאָל איהם געבען יאָד אויף איינצואַטהעמען. לעווין האָט איהם דערלאַנגט דיא גלעזערנע באַנקע און דעמזעלביגען בליק פון ליידענשאַפטליכער האָפענונג, וויא ער האָט פריהער געקוקט אויף דיא תשובה־תפילות, האָט ער איצט אויסגעשטעלט אויף דעם ברודער, פאָדערענדיג פון איהם א בעשטיטיגונג פון דעם דאָקטאָרס ווערטער, אז דיא איינאַטהעמונג פון יאָד וועט מאַכען וואונדער.

— איז קיטי דאָ ניטאָ? — האָט ער הייזעריג א ברום געטאָהן אַרומקוקענדיג זיך, ווען לעווין האָט אונוויליג בעשטעטיגט דעם דאָקטאָרס ווערטער — ניין, מען מעג דאָך זאָגען... דאָס האָב איך פון איהרט וועגען דורכגעמאַכט דיא דאָזיגע קאָמעדיע. זיא איז אַזאַ ליעבליכע, אָבער צווישען אונז דאַרפען מיר וויסען, אַז מען טאָר זיך אליין ניט נאַרען. אָט אין דאָס דאָזיגע גלויב איך — האָט ער געזאָגט דריקענדיג דיא באַנקע מיט יאָד אין זיין ביינערדיגע האַנד און איינאַטהעמענדיג פון איהר.

א זייגער אכט, ווען לעווין האָט מיט דער פרוי ביי זיך אין צימער געטרונקען טהעע, איז מאַריא ניקאָלאַיעווגא אריינגעלאָפען צו זיי אָהן אטהעם. זיא איז געווען בלייך, איהרע ליפען האָבען געציטערט:

— ער שטאַרבט! — האָט זיא געשעפצעט — איך האָב מורא, אז גלייך שטאַרבט ער.

זיי זיינען ביידע געלאָפען צו איהם. ער איז געזעסען אין בעט אנגעלעהנט אויף ביידע הענד און אראָבגעלאָזען דעם קאָפ, איינגעבויגען דער רוקען.

# אננא קארענינא

— וויא פיהלסט דוא ? — האָט א פרעג געטאָהן לעווין נאָך א וויילע שוויינען.

— איך פיהל, אז איך טראָג זיך אָב — האָט מיט גרויס מיה אָדער מיט א בעזונדער בעשטימטקייט ארויסגערעדט דער קראנקער. ער האָט ניט אויפגע־הויבען דעם קאָפּ, נור האָט דיא אויגען א קעהר געטאָהן ארויף — קאטיא, געה ארויס ! — האָט ער געזאָגט.

— איך טראָג זיך אָב — האָט ער ווידער געזאָגט.

— פאר וואָס דיינקסט דוא אזוי ? — האָט געזאָגט לעווין בלויז אום עפּעס צו זאָגען.

— דערפאר ווייל איך טראָג זיך אָב — האָט ער ווידערהאָלט וויא איהם וואָלט עפּעס בעזונדער געפעלען זיין דער דאָזיגער אויסדרוק — א סוף !

מאריא ניקאָלאיעוונא איז צו איהם צוגעגאנגען.

— איהר וואָלט זיך בעסער געלייגט וועט אייך לייכטער ווערן — האָט זיא געזאָגט.

— באלד וועל איך שוין ליגען — האָט ער שטיל ארויסגערעדט — א טויטער וועל איך ליגען — האָט ער געענדיגט בייזלעך — נו, לייגט מיך אוועק, אויב איהר ווילט.

לעווין האָט אוועקגעלייגט דעם ברודער אויפ'ן רוקען און האָט געקוקט אויף איהם קוים אטהמענדיג. דער שטאַרבענדער איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, בלויז אויפ'ן שטערען האָבען ווייל ענווייז געציטערט דיא מוסקולען, וויא ביי א מענשען, וועלכער דיינקט טיעף, מיט אנשטריינגונג. לעווין האָט צוזאמען מיט איהם געדיינקט וועגען דעם, וואס עס קומט איצט אין איהם פאָר, אָבער ניט קוקענדיג אויף זיין אנשטריינגענדען דיינקען, האָט ער געזעהען פון דעם אויס־דרוק פון דעם רוהיגען ערענסטקייט אויף דעם שטערבענדענס פנים, אז פאר דעם קראנקען ווערט אלץ קלעהרער און קלעהרער דאָס, וואָס בלייבט אזוי דונקעל און אזוי אונערקלעהרליך פאר לעווינען.

— יא, יא, אזוי — האָט לאנגזאם, מיט קלאָהרקייט ארויסגערעדט דער שטאַרבענדער — ווארט... יא, אזוי !... א, מיין גאָט ! — האָט ער שווער א זיפץ געטאָהן.

מאריא ניקאָלאיעוויאָוונא האָט אָנגעטאפּט זיינע פיס.

— זיי ווערן קאלט — האָט זיא א שעפּצע געטאָהן.

לאנג זעהר לאנג, וויא עס האָט אויסגעוויזען לעווינען, איז דער קראנקער געלעגען אונבעוועגליך, ער האָט נאָך אָבער אלץ געלעבט און האָט זעלטען זיך אָב־געאטהעמט. לעווין איז שוין מיעד געוואָרען פון זיין אָנגעשטרענגען טראַכטען. ער האָט געפיהלט, אז וויא ער האָט ניט אנגעשטריינגט זיינע געדאנקען איז נאָך פאר איהם אלץ אונפערשטענדליך געוועזן דאָס דאָזיגע „אזוי“. ער האָט געפיהלט, אז ער איז שוין לאנג געבליבען הינטערשטעליג פון דעם שטאַרבענדען. ער האָט שוין וועגען דער עצם פראגע פון טויט ניט געקאָנט טראַכטען, און ער האָט ניט וועלענדיג געטראַכט גאָר איצט בלויז וועגען דעם וואָס איהם וועט אויסקומען באלד צו טאָהן : פערמאַכען דעם טויטען דיא אויגען, אָנטאָהן איהם, בעשטעלען

אן ארון. און זאנדערבאר, ער האט זיך געפיהלט גאנץ קאלט, האט ניט געשפירט קיין יסורים, קיין פערלוסט, אפילו קיין רחמנות אויפ'ן ברודער. אויב אין איהם איז איצט געווען א געפיהל צום ברודער, איז דאס גיכער געווען געפיהל פון בע־ניידונג פאר וואס דער שטארבענדער ווייס דאס, וואס ער קאן ניט וויסען.

נאך לאנג איז ער געזעסען אזוי איבער איהם, אלץ ווארטענדיג אויפ'ן סוף. אבער דער סוף איז ניט געקומען. דיא טיהר האט זיך געעפענט און קיטי איז אריין. לעווין האט זיך אויפגעהויבען אום אבצושטעלען זיא. אבער אין דעם מאמענט וואס ער האט זיך אויפגעהויבען האט ער דערהערט וויא דער שטאר־בענדער בעוועגט זיך.

— נעה ניט אוועק — האט געזאגט ניקאלאי און האט אויסגעשטרעקט זיין האנד. לעווין האט איהם דערלאנגט זיין האנד און האט א וואונק געטאהן דער פרוי אז זיא זאל ארויס.

מיט דער האנד פון טויטען אין זיין האנד איז ער געזעסען אזוי א האלבע שטונדע, א שטונדע, נאך א שטונדע. ער האט שוין איצט גאר ניט געטראכט פון טויט. ער האט געראכט וועגען דעם, וואס טהוט איצט קיטי, ווער וואהנט אין דעם צווייטען נומער, האט דער דאקטאר אן אייגענעס הויז אדער ניט. ער האט געפיהלט, אז ער וויל עסען, וויל שלאפען, ער האט פארזיכטיג ארויסגעלאזען דיא האנד און האט אנגעטאפט דיא פיס. דיא פיס זיינען געווען קאלט, אבער דער קראנקער האט געאטהעמט, לעווין האט ווידער אויף דיא שפיצען פינגער גע־וועלט ארויסגעהן, אבער דער קראנקער האט זיך ווידער אנגעהויבען צו בעוועגען און האט געזאגט:

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . — נעה ניט אוועק.

עס האט אנגעהויבען טאג צו ווערן; דעם קראנקענס לאגע איז געבליבען דיזעלביגע, לעווין האט ארויסגעלאזען זיין האנד, איז אוועק צו זיך און איז איינגע־שלאפען.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער, אנשטאט דער נאכריכט פון טויט, וועלכע ער האט ערווארט, דערוואוסט זיך אז דער קראנקער האט זיך צוריק גע־קעהרט צום פריהעריגען צושטאנד. ער האט זיך ווידער גענומען אוועקזעצען, הוסטען, האט אנגעהויבען ווידער עסען,ריידען און האט אויפגעהערט דערמאנען וועגען טויט, האט ווידער אנגעהויבען אויסצודריקען דיא האפנונג אז ער וועט געזונד ווערען און איז געווארען ווידער אויפגערעגטער און בייזער נאך איידער ער איז געווען פריהער. קיינער האט איהם ניט געקאנט בערוהיגען ניט דער ברו־דער און ניט קיטי. ער איז אויף אלעמען געווען אין כעס, האט אלעמען געזאגט אונאנגענעהמליכקייטען, געמאכט אלעמען פארווירפע פאר זיינע ליידען און האט געפאדערט מען זאל פאר איהם אראבברייננגען דעם בעריהמטען דאקטאר פון מאסקווא. אויף אלע פראגען, וועלכע מען האט איהם געשטעלט, וויא ער פיהלט זיך, האט ער געענטפערט מיט דערזעלבער בייזקייט און מיט פארוואורף: „איך לייד שרעקליך, אונערטרעגליך!“

# אננא קארענינא

דער קראנקער האט געליטען אלץ מעהר און מעהר בעזונדער נאך אין דיא צוגעלעגענע פלעצער, וועלכע מען האט ניט געקאנט אויסהיילען און אלץ מעהר און מעהר איז ער בייז געווארען געגען אלע, וואס זיינען ארום איהם, מאכענדיג זיי פארווירפע אין אלעס און בעזאנדערנס פאר וואס מען ברייננגט פאר איהם ניט אראב קיין דאקטאר פון מאסקווא. אלע האבען געוואוסט, אז ער וועט גיך שטארבען, אז דאס איז אונפערמיידליך און אז ער איז שוין האלב־טויט. אלע האבען געוואונשען איין זאך, אז ער זאל שוין וואס גיכער שטארבען און אלע האבען דאס בעהאלטען, האבען איהם געגעבען טרינקען פון פלעשעלעך רפואות, האבען געזוכט דאקטוירים, מיטלען און האבען גענארט איהם, זיך און איינער דעם צווייטען. דאס אלעס איז געווען ליגען, פאלשקייט, מיאוס׳ע, בעליידיגענדע און לעסטערנדע פאלשקייט. און דיא דאזיגע פאלשקייט האט לעווין געפיהלט מעהר פון אלעמען, ווייל ער האט מעהר פון אלעמען געליעבט דעם שטארבענדען.

לעווין האט שוין לאנג געטראכט וועגען מאכען שלום פאר׳ן טויט צווישען דיא צוויי ברידער און ער האט געשריבען צו זיין ברודער סערגיי איוואנאוויטש וועגען דעם. ער האט פון איהם ערהאלטען א בריעף, וועלכען ער האט פאר ניקאלאיען איבערגעלעזען. סערגיי איוואנאוויטש האט געשריבען, אז ער קאן אליין ניט קומען, האט אבער אין ריהרענד׳ע ווערטער געבעטען פון ברודער פערציייהונג. דער קראנקער האט גארנישט געענטפערט.

— וואס־זשע זאל איך איהם שרייבען? — האט א פרעג געטאהן לעווין — איך האף אז דוא ביסט אויף איהם ניט ברוגז.

— ניין, קיין האאר ניט! — האט פערדרוסליך געענטפערט דערויף ניקאלאי — שרייב איהם, אז ער זאל מיר שיקען אהער דעם דאקטאר.

עס זיינען אריבער נאך דריי מאטערענדע טעג. אלע האבען איצט געפיהלט דעם וואונש ער זאל שוין שטארבען: אי דיא לאקייען פון האטעל, אי דער בעל הבית פון האטעל, אי דיא וואס זיינען דארט איינגעשטאנען, אי דער דאקטאר, אי מאריא ניקאלאיעוונא, אי לעווין אי קיטי. בלויז דער קראנקער אליין האט ניט אויסגעדריקט דעם דאזיגען געפיהל, פארקעהרט, ער איז נאך געווען שטארקער אין כעס פאר וואס מען ברייננגט ניט אראב דעם מאסקווער דאקטאר און ער האט אלץ ניט אויפגעהערט איינצונעהמען רפואות און האט אלץ גערעדט נאך וועגען לעבען. בלויז אין דיא זעלטענע מינוטען, ווען דער אפיום האט איהם איינגעשטילט פון דיא שטענדיגע יסורים האט ער אין האלב־שלאף אויסגעדריקט דאס, וואס איז אין זיין נשמה געווען שטארקער איידער ביי אלע אנדערע: „אך, וואלט שוין געווען אמאל א סוף!“ אדער: „ווען וועט זיך דאס שוין ענדיגען!“

דיא יסורים האבען זיך אלץ פארגרעסערט און האבען איהם פארגעברייט צום טויט. עס איז ניט געווען קיין לאגע, פון וועלכער ער זאל ניט ליידען, ניט געווען קיין מינוט, אין וועלכער ער זאל פארגעסען, ניט געווען קיין פלאץ אויף זיין קערפער, וואו עס זאל ניט וועה טאהן, זאל ניט זיין געפייניגט. אפילו דיא עראינערונגען בלויז, דיא געדאנקען וועגען דעם דאזיגען קערפער האבען אין איהם ערוועקט עקעל, וויא דער קערפער גופא. דער אנבליק אליין פון אנדערע מענשען, זייערע רייד, דאס אלעס איז פאר איהם געווען א שרעקליכע אבקומענעס. דיא

אַרומיגע האָבען דאָס געפיהלט און האָבען זיך ניט ערלויבט קיין פרייע בעוועגונגען, קיינע געשפּרעכען, קיין אויסדרוק פון זייערע פערלאַנגען. זיין גאַנצעס לעבען האָט זיך איצט צונויפגעגאָסען אין איין געפיהל פון יסורים און פערלאַנג פון די דאָזיגע יסורים פּטור צו ווערען.

אין איהם איז אויגענשיינליך פאָרגעקומען יענע אומוועלצונג, וועלכע האָט איהם געדאַרפט צווינגען קוקען אויפ'ן טויט, ווי אויף אַן ערפילונג פון זיין וואונש, וויא אויף א גליק. פריהער איז יעדער בעזונדער פערלאַנג, וואָס איז ארויסגערופען געוואָרען דורך לײדען, וויא הונגער, מיעדקייט, דורשט בעפריע־דיגט געוואָרען דורך די פונקציאָנען פון קערפּער, וואָס האָט איהם געגעבען הנאה, אבער איצט האָבען שוין די לײדען ניט ערהאַלטען קיין בעפריעדיגונג, און דער פערזוך צו בעפריעדיגען האָט פעראורזאַכט נייע לײדען. און דאַרום האָבען זיך אלע פערלאַנגען צונויפגעגאָסען אין איינעם — אין דעם וואונש פּטור צו ווערען פון אלע יסורים און פון זייער קוואַל, דעם קערפּער. אבער אום אויס־צודריקען דעם דאָזיגען פערלאַנג צו בעפרייען זיך האָט ער ניט געהאַט קיין ווערטער און דאַרום האָט ער ניט גערעדט וועגען דעם, און האָט אויס געוואָהנ־הייט געפאָדערט די בעפריעדיגונג פון די פערלאַנגען, וועלכע האָבען שוין גע־קאָנט ערפיעלט ווערען.

— לייגט מיך איבער אויף דער אַנדער זייט — האָט ער געזאָגט און האָט באַלד נאָך דעם געבעטען, אז מען זאָל איהם ווידער אוועקלייגען וויא פריה־ער — גיט בוליאָן. נעהמט צו די בוליאָן. דערצעהלט מיר וואָס; וואָס שווייגט איהר. — און וויא מען פלעגט נור אָנהויבען ריידען, האָט ער פערמאַכט די אויגען און אויסגעדריקט מיעדקייט, גלייכגילטיגקייט און אָבעקלונג.

אויף דעם צעהנטען טאָג נאָך זייער אָנקומען אַהער איז קיטי קראַנק גע־וואָרען. זיא האָט אָנגעהויבען צו לײדען פון קאָפּשמערצען, פון ברעכען און זיא האָט דעם גאַנצען אין־רער־פריה ניט געקאָנט אויפשטעהן פון בעט.

דער דאָקטאָר האָט ערקלעהרט, אז די אורזאַכע איז מיעדקייט, אויפ־רעגונג, פערדרוס און ער האָט פעראָרדענט, אז זיא מוז האָבען גייסטיגע רוהע. פון דעסטוועגען איז זיא נאָך מיטאָג אויפגעשטאַנען און איז וויא יעדען טאָג אַוועק צום קראַנקען. ער האָט אויף איהר שטריינג א קוק געטהאָן און האָט מיט פעראַכטונג א שמייכעל געטהאָן, ווען זיא האָט איהם געזאָגט, אז זיא איז ניט געזונד. אין דעם טאָג האָט ער פיעל געשפּייט און האָט יאמערליך געקרעכצט.

— וויא פיהלט איהר זיך? — האָט זיא איהם א פרעג געטהאָן.

— ערגער — האָט ער קוים ארויסגערעדט — עס טהוט וועה!

— וואו טהוט וועה?

— אומעטום.

— היינט וועט זיין דער סוף, איהר וועט זעהען — האָט מאַריא ניקאָלאַ־יעוונאַ געזאָגט, שעפּצענדיג גאַנץ שטיל, אָבער דער קראַנקער האָט דערהערט אפּנים, וויא לעווינען האָט זיך געדוכט. ניקאָלאַי האָט געהערט, אבער דאָס האָט אויף איהם שוין קיין איינדרוק ניט געמאַכט.

# אננא קארענינא

— פאר וואָס דיינקט איהר עפּעס אזוי? — האָט לעווין ביי איהר א פרעג געטהאָן, ווען זיי זיינען ארויס אין קאָרידאָר.

— ער האָט אָנגעהויבען קלייבען פון זיך — האָט געזאָגט מאריא ניקאָ-לאיעוונא.

— וואָס הייסט פון זיך קלייבען?

— אָט אזוי — האָט זיא געוויעזען, ציפּענדיג דיא פאלדען פון איהר קלייד. ווירקליך, לעווין האָט בעמערקט, אז דעם גאנצען טאָג האָט דער קראנקער געכאַפּט פון זיך, עפּעס אזוי וויא ער וואָלט וועלען אראָבצופּען וואָס.

מאריא ניקאָלאיעוונא'ס נביאות איז געווען ריכטיג. צו אָבענד האָט שוין דער קראנקער קיין כח ניט געהאַט אויפצוהויבען דיא הענד און האָט בלויז גע-קוקט פאר זיך, ניט ענדערענדיג דיא אויפמערקזאַמקייט פון זיין בליק. אפילו ווען דער ברודער אָדער קיטי האָבען זיך אָנגעבויגען איבער איהם, אז ער זאָל זיי קאָנען זעהען, האָט ער אַלץ אזוי געקוקט. קיטי האָט געשיקט נאָך דעם גלח, ער זאָל זאָגען דאָס לעצטע פאר יציאת נשמה.

וויא לאנג דער גלח האָט געזאָגט זיינע תפילות, האָט דער שטארבענדער ניט געוויזען קיין סימן פון לעבען; זיינע אויגען זיינען געווען געשלאָסען. לעווין, קיטי און מאריא ניקאָלאיעוונא זיינען געשטאנען לעבען בעט. דער גלח האָט נאָך ניט צייט געהאַט צו ענדיגען וויא דער שטארבענדער האָט זיך א ציה גע-טהאָן, האָט זיך אָבגעזיפצט און האָט געעפענט דיא אויגען. דער גלח האָט גע-ענדיגט דאָס געבעט, האָט צוגעלייגט דעם צלם צום קאלטען שטערען, האָט דער-נאָך לאנגזאם איינגעוויקעלט איהם אין יעפּיטראכיל און, שטעהענדיג שווייגזאם א פּאָאר מינוט, האָט ער זיך צוגעריהרט צו דער קאלט געוואָרענער, מורא'דיג בלוטלאָזער האנד.

— געענדיגט — האָט געזאָגט דער גלח און האָט געוואָלט אָבטרעטען; אָבער פּלוצלונג האָבען זיך דיא צונויפגעקלעפּטע וואָנצעס פון דעם טויטען א ריהר געטאָהן און אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט קלאָהר פון דער טיעפ-קייט פון ברוסט בעשטימט-שניידענדע קלאנגען.

— נאָך ניט אין גאנצען.... באלד.

אין א מינוט ארום איז דער פּנים ליכטיג געוואָרען, אונטער דיא וואָנ-צעס איז ארויסגעטראָטען א שמייכעל, און דיא אָנגעקליעבענע ווייבער האָבען זיך זאָרגפול א נעהם געטהאָן צורעכט צו מאכען דעם טויטען.

דער אָנבליק פון דעם ברודער און דיא נאָהענטקייט פון טויט האָבען איבער-א-נייעס ארויסגערופען אין לעווין'ס נשמה יענעם געפיהל פון שרעק פאר דאָס אונלייזבארקייט און אין דערזעלבער צייט נאָהענטקייט און אונפערמיידליכ-קייט פון טויט, וועלכער האָט איהם אָנגעכאַפּט אין יענעם הערבסט-אָבענד, ווען דער ברודער איז צו איהם געקומען צופאָהרען. דאָס דאָזיגע געפיהל איז נאָך איצט אין איהם געווען שטארקער, און נאָך ווייניגער אלס פריהער האָט ער זיך געפיהלט פעהיג צו פארשטעהן דעם זינען פון טויט און נאָך שרעקליכער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט דיא אונפערמיידליכקייט פון טויט, אָבער צו פערדאנקען דער נאָהענטקייט פון זיין פרוי, האָט דאָס דאָזיגע געפיהל איהם ניט געבראַכט

קיין פערצווייפלונג: ניט קוקענדיג אויפ'ן טויט, האָט ער געפיהלט דיא נויט־ווענדיגקייט צו לעבען און צו ליעבען. ער האָט געפיהלט אַז דיא ליעבע האָט איהם גערעטעוועט פון פערצווייפלונג און אַז ליעבע אונטער דעם פּחד פון פער־צווייפלונג ווערט נאָך שטאַרקער און ריינער.

איין געהיימניס, דיא געהיימניס פון טויט האָט נאָך ניט צייט געהאַט אריבערצוגעהן פאַר זיינע אויגען, ווייא עס איז שוין ענטשטאַנען אַן אנדער גע־היימניס, אויך אַזאַ אונגעלייזטע, וועלכע האָט גערופען צו ליעבען און צו לעבען.

דער דאָקטאָר האָט באַשטעטיגט זיינע השערות וועגען קיטי. איהר ניט געזונד זיין איז געוועזן שוואַנגערשאַפט.

## 21.

פון יענער מינוט אָן וואס אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט פערשטאַנען פון בעטסין און פון סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, אַז פון איהם פאָדערט זיך בלויז, אַז ער זאָל לאָזען זיין פרוי צו רוה, ניט בעלעסטיגען זיא מיט זיין אַנוועזענהייט און אַז זיין פרוי אַליין פערלאַנגט דאָס אויך, האָט ער זיך דערפיהלט אַזוי פער־לאָרען, אַז ער האָט אַליין קיין זאַך ניט געקאָנט בעשליסען, האָט אַליין ניט גע־וואוסט וואָס ער האָט איצט געוועלט; ער האָט זיך איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דיא, וועלכע האָבען זיך מיט אַזאַ הנאה בעשעפטיגט מיט זיינע אַנגע־לעגענהייטען, ער האָט צו אַלעס צוגעשטימט. בלויז דאַן, ווען אַננאַ איז שוין אוועקגעפאָהרען פון זיין הויז און דיא ענגלענדערין האָט ביי איהם אַ פרעג גע־טהאָן צו דאַרף זיא עסען מיטאָג ביי איין טיש מיט איהם אָדער בעזונדער, האָט ער ערשט דאַן פערשטאַנען קלאָהר זיין לאַגע און האָט זיך פאַר איהר דער־שראָקען.

דאָס שווערסטע אין דער דאָזיגער לאַגע איז געוועזן דאָס, וואָס ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פערבינדען זיין פערגאַנגענהייט מיט דאָס, וואָס עס קומט איצט פאָר. ניט יענע פערגאַנגענהייט, ווען ער האָט גליקליך געלעבט מיט זיין פרוי. דער איבערגאַנג פון יענער פערגאַנגענהייט צו זיין פרוי'ס אונטריי־הייט האָט ער שוין לאַנג איבערגעלעבט; יענער צושטאַנד איז געוועזן אַ שווע־רער, אָבער איז געוועזן פאַר איהם פאַרשטענדליך. ער האָט איצט אָבער ניט גע־קאָנט פאַרשטעהן ווייא צו פערבינדען זיין פערצייהונג, וועלכע איז נאָך דאָ נאָר ניט לאַנג געשעהען, זיין מילדהייט, זיין ליעבע צו דער קראַנקער פרוי און צו אַ פרעמדען קינד מיט דאָס וואָס איז איצט פאָרגעקומען, עפּעס אַזוי ווייא אַלס אַ בעלוינונג פאַר דאָס אַלעס איז ער איצט געוואָרען אַן עלענדער, אַ פאַרשענ־דעטער, אַ פערלאַכטער, קיינעם ניט נויטיגער און פון אַלעמען פערהאַסטער.

דיא ערשטע צוויי טעג נאָך זיין פרוי'ס אוועקפאָהר האָט אַלעקסיי אַלעק־סאַנדראָוויטש אויפגענומען דיא, וואָס זיינען געקומען צו איהם מיט בקשות,

דעם פערוואלטער פון זיין קאנצעלאריע, איז געפאהרען אין קאמיטעט, איז ארויכגעקומען אין עסס־צימער צו מיטאג, וויא אימער. אליין זיך ניט געבענדיג קיין חשבון צוליעב וואס ער טהוט דאס, האט ער אלע זיינע קרעפטען אנגעשטריינגט דערויף, אז ער זאל אויסזעהען רוהיג און זאגאר גלייכגילטיג: קיינער האט אין איהם ניט געקאנט מערקען צייכענס פון פערצווייפלונג. אבער אויף דעם צווייטען טאג נאך איהר אוועקפאהר, ווען קארנעי האט איהם דערלאנגט א רעכענונג פון מאדען־מאגאזין, וואו אננא האט פערגעסען צו בעצאהלען און האט איהם געזאגט, אז דער פריקאזטשיק אליין איז געקומען אויפמאנען, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש געלאזט א רוף טהאן דעם פריקאזטשיק.

— ענטשולדיגט, עקסעלענץ, וואס איך ערלויב זיך אייך צו בעאונרוהיגען. אבער אויב איהר הייסט מיר ווענדען זיך צו איהר עקסעלענץ, וועל איך פון אייך בעטען בלויז, איהר זאלט אזוי גנעדיג זיין און לאזען אונז וויסען איהר אדרעס.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך פערטראכט, וויא עס האט זיך אויסגעוויזען דעם פריקאזטשיק, און פלוצלונג האט ער זיך א קעהר געטהאן, האט זיך געזעצט ביים טיש, האט אראבגעלאזען דעם קאפ אויף דיא הענד און איז לאנג געבליעבען זיצען אין אזא לאגע; ער האט א פאאר מאהל געפרופט וועלען אנהויבען ריידען, האט זיך אבער אלץ אבגעשטעלט.

פארשטעהענדיג דעם פריץ'ס געפיהלען, האט קארנעי געבעטען דעם פריקאזטשיק, ער זאל קומען א צווייטען מאהל. בלייבענדיג ווידער אליין, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש פערשטאנען, אז ער איז ניט אים שטאנד מעהר אויסצוהאלטען דיא ראלע פון פעסטקייט און רוהע. ער האט געהייסען דיא קארעטע אבשיקען צוריק, קיינעם ניט אויפנעהמען און איז ניט ארויסגעגאנגען אין עסס־צימער צו מיטאג.

ער האט דערפיהלט, אז ער וועט ניט קאנען אויסהאלטען יענעם אלגעמיינעם דרוק פון פעראכטונג און פערהארטונג געגען איהם, וויא ער האט דאס קלאהר געזעהען אין דעם פנים פון דעם פריקאזטשיק, פון קארנעיען און פון אלעמען אהן אויסנאהמע, וועמען ער האט נור בעגעגענט אין דיא דאזיגע צוויי טעג. ער האט געפיהלט, אז ער קאן פון זיך ניט אבווענדען דיא פעראכטונג פון מענשען, ווארום דיא דאזיגע פעראכטונג איז ניט געקימען דערפון, וואס ער זאל זיין א שלעכטער, נור דערפון, וואס ער איז שענדליך און אונפערצייהליך אונגליקליך. ער האט געוואוסט, אז דערפאר גופא, וואס זיין הארץ איז אזוי צוריסען און צומאטערט, וועלען מענשען אויף איהם קיין שום רחמנות ניט האבען. ער האט געפיהלט, אז מענשען וועלען איהם פערניכטען, וויא הינד דערשטיקען א צוריסענעם, צוקאלעטשעטען הונד, וואס קוויטשעט פון וועהטאג. ער האט געוואוסט, אז דיא איינציגע רעטונג פון מענשען איז, צו פארדעקען פון זיי דיא אייגענע וואונדען, און ער האט צוויי טעג געזוכט צו טהאן דאס, אבער איצט האט ער זיך שוין דערפיהלט ניט אים שטאנד פארטצוזעצען דעם דאזיגען אונגלייכען קאמפף.

דיא דאזיגע פערצווייפלונג איז נאך שטארקער געווארען פון דעם בע־

וואוסטזיין, אז ער איז געווען פּאָלשטענדיג עלענד אין זיינע יסורים. ניט נור אין פּעטערבורג האָט ער ניט געהאַט קיין איין מענשען, וועמען ער זאָל קאָנען אויסגיסען אלעס, וואָס ער האָט געפיהלט און דורכגעלעבט, וועלכער זאָל מיט איהם מיטפיהלען און בעדויערען ניט אַלס א הויכען בעאַמטען, ניט וויא א מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט, נור איינפאַך וויא א ליידענדען מענשען; ער האָט אפילו אַנדערשוואו, ערגעץ ניט געהאַט אַזאַ מענשען.

אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרען א יתום. צוויי ברידער זיינען זייערע געווען. דעם פאָטער האָבען זיי ניט געדיינקט, דיא מוטער איז געשטאָרבען, ווען אַלעקסיי אלקסאַנדראָוויטש איז אַלט געווען צעהן יאָהר. זייער פערמעגען איז געווען זעהר קליין. קאַרענין'ס אָנקעל, וועלכע איז געווען א וויכטיגער בעאַמטער און איז מיט יאָהרען צוריק געווען א ליעבלינג פון דעם פערשטאָרבענעם קיסר, האָט דיא צוויי יתומים ערצויגען.

ווען ער האָט געענדיגט דיא קורסען אין גימנאַזיע און אין אוניווערזיטעט מיט מעדאַלען, האָט אַלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש מיט דעם אָנקעל'ס הילף גלייך בעקומען א הויכע שטעלע און פון דאַן אָן האָט ער זיך איבערגעגעבען זיין אַמביציאָן אויף דעם וועג פון רעגיערונגס־עמטער. ער האָט מיט קיינעם ניט געשלאָסען קיין פריינדשאַפט ניט אין גימנאַזיע, ניט אין אוניווערזיטעט און ניט דערנאָך אויף דיא פערשיעדענע שטופען פון זיין אַמטליכען לעבען. זיין ברודער איז געווען דער נאָהענטסטער מענש ביי איהם אין הארצען, אבער דער ברודער האָט געדיענט אין מיניסטערסטוואָ פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, האָט געוואָהנט דורכאויס אין אויסלאַנד, וואו ער איז געשטאָרבען ניט לאַנג נאָך דעם וויא אַלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש האָט חתונה געהאַט.

אין דער צייט ווען ער איז נאָך געווען א גובערנאַטאָר, האָט אַננאַ'ס טאַנטע, א רייכע פּריצתה אין דער גובערניע בעקאָנט געמאַכט איהם, שוין ניט קיין יונגערמאַן, מיט איהר פּלימעניצע און האָט איהם אוועקגעשטעלט אין אַזאַ לאַגע, אז איהם איז אויסגעקומען ענטוועדער ענטפּערן, זאָגען זיין וואָרט, אדער אוועקפאָהרען פון שטאָדט. לאַנג האָט זיך אַלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש ניט געקאָנט ענטשליעסען. עס זיינען געווען גענוג טעמים פאַר אַזאַ שריט און עס זיינען געווען גענוג טעמים אויך דאַגעגען. עס איז ניט געווען קיין אורזאַכע דאַן פאַר וואָס ער זאָל ניט האַנדלען לויט זיין פּרינציפּ, אז אויב עס איז א ספק איז בעסער צו בעשליעסען אויף ניט. אָבער אַננאַ'ס טאַנטע האָט אידם געלאָזט געבען צו פאַרשטעהן דורך א בעקאַנטען, אז ער האָט שוין דאס מיידעל קאָמפּראָמעטירט און אז זיין פּפליכט פון אַן עהרענמאַן איז, צו מאַכען א פאָרמעלען פאָרשלאַג און בעטען איהר האַנד. ער האָט געמאַכט א פאָרשלאַג און האָט פון דעמאָלט אָן אָבגעגעבען זיין כלה און זיין פרוי יענע געפיהלען, אויף וועלכע ער איז געווען פעהיג.

יענער צובונד, וועלכען ער האָט געפיהלט צו אַננאַ'ן האָט אויסגעשלאָסען פון זיין הארצען דיא לעצטע פאָדערונגען פון הארציגע בעציהונגען צו אַנדערע מענשען. און איצט איז ביי איהם פון אלע זיינע בעקאַנטע ניט געווען קיין איי־

נער קיין נאָהענטער. ער האָט געהאַט פיעלע פערבינדונגען, אבער ווייניג פריינדליכע בעציהונגען.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט געהאַט פיעלע אַזעלכע מענשען, וועלכע ער האָט געקאָנט איינלאַדען צו מיטאג, בעטען זיי זאָלען זיך בעטהייליגען אין אן אונגעלעגענהייט, וועלכע איהם אינטערעסירט, וועגען פראָטעקציאָן פאַר עמיצען, אָבער אלע בעציהונגען צו דיא דאָזיגע מענשען זיינען געווען איינגעשלאָסען אין אַ בעשטימטען קרייז, פון וועלכען מען קאָן ניט ארויסגעהן. ער האָט געהאַט איין חבר נאָך פון אוניווערזיטעט, מיט וועלכען ער איז זיך דערנאָך צונויפגעקומען נעהנטער און מיט וועלכען ער וואָלט זיך געקאָנט דורכריידען וועגען זיינע פערזענליכע ליידען; אָבער דער דאָזיגער חבר איז געווען אַ פערוואלטער פון אַ לעהראנשטאַלט אין אַ ווייטען געגענד ערגעץ. פון דיא פערזאָנען וואָס האָבען געוואָהנט אין פעטערבורג זיינען דיא נאָהענטסטע געווען דער פערוואלטער פון זיין קאַנצעלאַריע און זיין דאָקטאָר.

דער פערוואלטער פון זיין קאַנצעלאַריע, מיכאַאיל וואַסיליעוויטש סליודין, איז געווען אַן איינפאַכער, קלוגער, גוטער און זיטליכער מענש, און אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט אין איהם געפיהלט אַ מענשען, וועלכער איז פערזענליך איהם געווען גוט צוגעטראָגען, אָבער דיא פינף יאָהר פון אַמטליכע טהעטיגקייט האָט צווישען זיי אַוועקגעלייגט אַ מחיצה, אַז קיין הארציגע ערקלעהרונגען זיינען שוין צווישען זיי ניט מעגליך געווען.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט געענדיגט אונטערצושרייבען דיא פאַפיערען און האָט לאַנג געשוויגען, קוקענדיג אויף מיכאַאיל וואַסיליעוויטשען, און האָט עטליכע מאָהל געוועלט פערזוכען אָנצוהויבען מיט איהם צוריידען זיך, אָבער האָט ניט געקאָנט. ער האָט שוין אפילו געווען אָנגעגרייט אַ פראַזע: „איהר האָט מסתמא געהערט פון מיינע צרות?‟ אָבער אויסגעלאָזען האָט זיך, אַז ער האָט געזאָגט וויא געוועהנליך: — וועט איהר דאָס אלזאָ פאַר מיר פאַרטיג מאַכען — און דערמיט איז מיכאַאיל וואַסיליעוויטש אַוועק.

דער צווייטער מענש איז געווען דער דאָקטאָר, וועלכער איז צו איהם געווען זעהר גוט צוגעטראָגען; אָבער צווישען זיי איז שוין לאַנג געווען אַ מין שטומע פערשטענדיגונג, אַז זיי זיינען ביידע זעהר פערנומענע מענשען, ביידע פערוואָרפען מיט אַ מאַסע ארבייט און ביידע דאַרפען זיך שטענדיג איילען.

וועגען זיינע ווייבערשע גוטע פריינד און דיא ערשטע פון זיי, גרעפין לידיא איוואַנאָוונאַ, האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש ניט געטראַכט. אלע פרויען זיינען פאַר איהם געווען שרעקליך און אבשטויסענד פשוט אלס פרויען.

## 22.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט פאַרגעסען וועגען גרעפין לידיא איוואַ־נאָוונא, אָבער זיא האָט אויף איהם ניט פאַרגעסען. אין דער רעכטער שווערסטער מינוט פון זיין עלענדער פערצווייפלונג איז זיא געקומען צופאָהרען און איז אריין צו איהם אונגעמעלדעט. זיא האָט איהם געפונען אין יענער לאגע, אין וועלכער ער איז געבליבען זיצען אָנגעלעהנט מיט׳ן קאָפּ אויףביידע הענד. זיא איז אריין מיט שנעלע שריט און אַטהעמענדיג שווער פון אויפרעגונג:

— איך האָב אלעס געהערט, מיין פריינד, אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש! — האָט זיא מיט ביידע הענד געדריקט זיין האנד און האָט אריינגעקוקט אין זיינע אויגען מיט איהרע שעהנע, פערטראַכטע אויגען.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך אויפגעהויבען א פערוואָלקענטער און ארויסנעהמענדיג זיין האנד פון איהרע, האָט ער פאר איהר צוגערוקט א שטוהל.

— זייט אזוי גוט, גרעפין. איך נעהם קיינעם ניט אויף, ווייל איך בין קראנק, גרעפין — האָט ער געזאָגט און זיינע ליפּען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען.

— פריינד מיינער! — האָט ווידערהאָלט גרעפין לידיא איוואנאָוונא, ניט אראָבנעהמענדיג פון איהם דיא אויגען, און פּלוצלונג האָבען זיך איהרע ברעמען אויפגעהויבען, בילדענדיג א דריי־עק אויפ׳ן שטערען; איהר ניט שעהנער געלער פּנים איז נאָך אונשעהנער געוואָרען; אָבער אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט דערפיהלט, אז זיא בעדויערט איהם און איז פערטיג צו צוואויינען זיך. איהם האָט אָנגענומען א מילדקייט און געריהרטקייט: ער האָט אָנגעכאַפּט איהר ווייכע האנד און האָט אָנגעהויבען צו קושען.

— פריינד מיינער! — האָט זיא געזאָגט מיט איהר באַוועגטער שטימע — איהר טאָרט זיך ניט איבערגעבען צו דיא דאָזיגע יסורים. אייער אונגליק איז גרויס, איהר מוזט אָבער געפינען א טרויסט.

— איך בין צובראָכען, איך בין דערשלאָגען, איך בין שוין אויס מענש! — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש ארויסלאָזענדיג איהר האנד — מיין לאגע איז נאָך שלימער דערפאַר, וואָס איך געפין ערגעץ ניט, אפילו אין זיך אליין, קיין אָנהאַלטס־פּונקט.

— איהר וועט געפינען שטיצע, זוכט זיא ניט אין מיר, אָבוואָהל איך בעט אייך גלויבען אין מיין פריינדשאפט — האָט זיא געזאָגט מיט א זיפץ — אייער שטיצע איז ליעבע, יענע ליעבע, וועלכע ער האָט אונז געבאָטען. ער וועט אייך העלפען.

— איך בין שוואך, איך בין פערניכטעט. איך האָב קיין זאך ניט פאָראויס־געזעהען און קאָן איצט קיין זאך ניט פארשטעהען.

# אננא קארעני נא

— מיין פריינד — האָט ווידערהאָלט לידיא איוואַנאָוונאַ.

— ניט דיא פערלולט פון דאָס, וואָס איז שוין איצט ניטאָ, ניט דאָס!— האָט פאָרטגעזעצט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש — איך בעדויער ניט. אָבער איך קאָן זיך דאָך ניט שעהמען פאַר מענשען איבער דער לאַגע, אין וועלכער איך געפין זיך. דאָס איז שלעכט, אָבער איך קאָן ניט, איך קאָן ניט.

— ניט איהר האָט געטאָהן יענע האַנדלונג פון פערצייהונג, פון וועלכען איך און אַלע זיינען ענטציקט, נור ע ר, וועלכער וואָהנט ביי אייך אין הארצען — האָט געזאָגט גרעפין לידיא איוואַנאָוונאַ — און דארום טאָרט איהר זיך ניט שעהמען פאַר אזאַ האַנדלונג.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אָנגעוואָלקענט און פערבויגענדיג דיא פינגער, האָט ער אָנגעהויבען זיי צו קנאַקען.

— מען דאַרף וויסען אַלע איינצעלהייטען — האָט ער געזאָגט מיט זיין דינער שטימע — אַ מענשענס קרעפטען האָבען אַ גרענעץ, גרעפין, און איך האָב געפונען דעם גרעניץ פון מיינע כחות. איך האָב היינט אַ גאַנצען טאָג געדאַרפט געבען פעראָרדנונגען אין הויז, פעראָרדנונגען, וועלכע זיינען אַ פאָלגע פון מיין נייער, עלענדער לאַגע. דינער, גאָווערנאַנטין, חשבונות... דער דאָזיגער קליינער פייער האָט מיך פאַרברענט, איך האָב מעהר קיין כח ניט געהאַט אויסצוהאַלטען. צו מיטאַג..... איך בין נעכטען שיער ניט אַוועק אין מיטען מיטאַג. איך האָב ניט געקאָנט אַריבערטראָגען וויא מיין זוהן האָט געקוקט אויף מיר. ער האָט מיך ניט געפרעגט וואָס דאָס אַלעס בעדייט, אָבער ער האָט געוואָלט פרעגען און איך האָב קיין כח ניט געהאַט אויסצוהאַלטען דעם דאָזיגען בליק. ער האָט מורא געהאַט צו קוקען אויף מיר, אָבער דאָס איז נאָך ווי ניג.... — אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געוואָלט דערמאָנען וועגען דעם חשבון וואָס מען האָט געבראַכט, איהרען אַ חוב אויפצומאָנען, אָבער דאָ האָט זיין שטימע אָנגעהויבען צו ציטערען און ער איז אַנשוויגען געוואָרען. אין איהם האָט זיך ערוועקט מיטלייד צו זיך אַליין.

— איך פאַרשטעה, מיין פריינד! — האָט געזאָגט גרעפין לידיא איוואַנאָוונאַ — איך פאַרשטעה אַלעס. הילף און טרויסט וועט איהר געפינען ניט אין מיר, אָבער פון דעסטוועגען בין איך געקומען צופאָהרען אום צו העלפען אייך מיט וואָס איך קאָן בלויז. ווען איך וואָלט געקאָנט אַראָבנעהמען פון אייך אַלע דיא קליינע, ערנידעריגענדע זאָרג.... איך פאַרשטעה, אַז עס איז נויטיג אַ וואָרט פון אַ פרויענצימער, דיא ווירטשאַפט פון אַ פרויענצימער. פערטרויט איהר דאָס מיר?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געשוויגען און האָט שטומערהייט געדריקט אויס דאַנקבאַרקייט איהר האַנד.

— מיר וועלען זיך צוזאַמען בעשעפטיגען וועגען סעריאָזשאַן. איך בין ניט קיין גרויסע בריה אין פראַקטישע אַנגעלעגענהייטען. אָבער איך וועל זיך דערצו אַ נעהם טאָהן, איך וועל זיין אייער עקאָנאָמקע. דאַנקט מיר ניט. ניט איך אַליין טהו דאָס....

— איך קאָן אָבער ניט ניט דאַנקען אייך.

— מיין פריינד, ניט גיט זיך איבער דעם דאָזיגען געפיהל, וועגען וועלכען איהר האָט גערעדט —שעהמען זיך פאַר דאָס, וואָס איז דיא העכסטע מדרגה

פון א קריסט: ווער עס ערנידריגט זיך, יענער ווערט דערהויכט. און דאנקען מיר קאנט איהר ניט. מען דארף איהם דאנקען, מען דארף איהם בעטען וועגען הילף. אין איהם בלויז וועלען מיר געפינען רוהע, טרויסט, רעטונג און ליעבע — האט זיא געזאגט אויפהויבענדיג דיא אויגען צום הימעל, און זיא האט תפילה געטאהן, וויא אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט פערשטאנען פון איהר שווייגען.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך איצט צוגעהערט צו איהר, און יענע אויסדריקע, וואס זיינען געוועזן פריהער פאר איהם ניט אזוי אונאנגענעהם וויא עפעס איבעריג, האבען איהם איצט אויסגעוויזען נאטירליך און טרויסטפול. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט ניט געליעבט דעם דאזיגען נייעם גייסט פון התפעלות. ער איז געוועזן א גלויבענדער, האט זיך אינטערעסירט מיט רעליגיאן הויפטזעכליך אין דעם פאליטישען זינען, און דיא נייע פערטייטשונגען פון רעליגיאן זיינען איהם דערפאר געוועזן אונאנגענעהם, ווייל וועגען זיי קאנען זיין מיינונג־פערשיעדענהייטען. אבער איצט האט ער צום ערשטען מאהל געהערט איהרע ווערטער מיט צופריעדענהייט און האט געגען דעם קיין ווארט ניט געזאגט

— איך בין אייך זעהר, זעהר דאנקבאר פאר אייערע טהאטען און פאר אייערע ווערטער — האט ער געזאגט, ווען זיא האט געענדיגט תפילה טאהן.

— איצט וועל איך צוטרעטען צו דער זאך — האט זיא געזאגט מיט א שמייכעל, אבווישענדיג פון דיא אויגען דעם סליאד פון טרעהרען — איך געה צו סעריאזשא׳ן. בלויז ווען עס וועט שוין דורכאויס נויטיג זיין וועל איך זיך ווענדען צו אייך. — און זיא איז אויפגעשטאנען און איז ארויס.

גרעפין לידיא איוואנאוונא איז אוועק צו סעריאזשאן אין בעגיסענדיג מיט טרעהרען דיא באקען פון דעם צושראקענעם אינגעל, האט זיא איהם געזאגט, אז זיין טאטע איז א הייליגער און אז זיין מוטער איז געשטארבען.

גרעפין לידיא איוואנאוונא האט ערפילט איהר פארשפרעכען. זיא האט ווירקליך גענומען אויף זיך אלע זארג אין דער פיהרונג פון אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס הויז. אבער זיא האט ניט איבערטריבען, ווען זיא האט געזאגט, אז זיא איז ניט קיין בריה אין פראקטישע אנגעלעגענהייטען. אלע איהרע פעראָרדנונגען אין הויז האבען געדארפט געענדערט ווערען, ווייל מען האט זיי ניט געקאנט אויספיהרען און געענדערט האט זיי קארניי, אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס קאמער־דינער, וועלכער איז אונבעמערקט פאר אלעמען געווארען דער גאנצער פיהרער פון הויז און פלעגט גאנץ פארזיכטיג און רוהיג מעלדען דעם פריץ אלעס וואס איז נויטיג געוועזן. פון דעסטוועגען איז לידיא איוואנאוונאס הילף געוועזן העכסט ווירקזאם: זיא איז געוועזן א מאראלישע שטיצע פאר איהם, פיהלענדיג ליעבע און רעספעקט פאר איהם און בעזונדער נאך ווייל פאר איהר איז געוועזן א בעפריעדיגונג צו דיינקען, אז זיא האט איהם באקעהרט צום קריסטענטהום, ד. ה. פון א גלויבענדען, וואס איז געוועזן גלייכגילטיג בנוגע צו רעליגיאן. איז ער געווארען א הייסער און פעסטער אנהייננגער פון דיא נייע עקזאלטירטע פערטייטשונגען פון דער קריסטליכער לעהרע, וועלכע האט זיך אין דער לעצטער צייט פערשפרייט אין פעטערסבורג.

## 23.

ווען גרעפין לידיא איוואנאָוונא איז געווען אַ יונגע, בעגייסטערטע מיידעל האָט מען איהר חתונה געמאַכט מיט אַ רייכען, בעריהמטען, גוטהערציגען און אויסגעלאַסענעם לעבעמאַן. אויף דעם צווייטען מאָנאַט נאָך דער חתונה האָט דער מאַן זיא אַוועקגעוואָרפען און אויף אַלע איהרע בעגייכטערטע און צערטליכע פערזיכערונגען אין איהר ליעבע צו איהם, געענטפערט איהר בלויז מיט שפּאַס, האָט פון איהר חוזק געמאַכט און געוויזען צו איהר זאָגאַר פיינדשאַפט. מענשען, וועלכע האָבען געקענט דעם גראַף אַלס אַ גוטהאַרציגען מענשען האָבען זיך בשום אופן ניט געקאָנט ערקלעהרען זיין האַנדלונג. פון דעמאָלט אָן האָבען זיי געוואָהנט בעזונדער, אָבוואָהל זיי זיינען ניט געווען גע'גט. און ווען דער מאַן פלעגט זיך ווען ניט איז בעגעגענען מיט דער פרוי, האָט ער זיך תמיד בענומען געגען איהר גיפטיג, שפּאַסהאַפט שטעכיג, און קיינער האָט ניט פערשטאַנען דיא אורזאַכע דערפון.

גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין פערליעבט אין איהר מאַן, אָבער זינט דאַן האָט נאָך ניט געטראָפען קיין צייט זיא זאָל ניט זיין פערליעבט אין וועמען ניט איז. זיא פלעגט אמאָל זיין פערליעבט אין עטליכע מיט אַמאָל, אי אין מאַנסלייט, אי אין פרויענצימער; זיא איז געווען פערליעבט אין אַלע מענשען, וועלכע האָבען זיך מיט וואָס ניט איז אויסגעצייכענט. זיא איז געווען פערליעבט אין אַלע נייע פרינצעסינען און פרינצען, וועלכע זיינען געוואָרען מחותנים מיט דער קייזערליכער פאַמיליע; זיא איז געווען פערליעבט אין איין מעטראפּאליט, אין איין וויקאַר און אין אַ גלה; זיא איז געווען פערליעבט אין איין זשורנאַליכט, אין דריי סלאַווען, אין קאַמיסאראָווען; אין איין מיניכטער, איין דאָקטאָר, איין ענגלישען מיסיאָנער און אין קארענינען. דיא דאָזיגע אַלע ליעבעס וועלכע פלעגען ווערען אמאָל שטאַרקער, אמאָל שוואַכער, האָבען איהר ניט געשטערט צו פיהרען דיא קאָמפּליצירטע בעציהונגען אין דער געזעלשאַפט און אין דיא קייזערליכע הויף־קרייזען.

איהר איצטיגעס געפיהל צו קארענינען, האָט פאַר איהר געשיינט צו זיין שטאַרקער פון אַלע פריהעריגע געפיהלען. אַנאַליזירענדיג איהר געפיהל און פערגלייכענדיג עס מיט פריהערדיגע געפיהלען, האָט זיא קלאָהר געזעהען, אַז זיא וואָלט אין קאַמיסאראָווען ניט פערליעבען זיך, ווען ער וואָלט ניט ראַטעווען דעם קיסר פון טויט, זיא וואָלט ניט געווען פערליעבט אין ריכטעמיש־קודזשיצקי, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין כלאַווישע פראַגע, אָבער אין קארענינען האָט זיא געליעבט איהם גופא, פאַר זיין הויכער נשמה, וועלכע מען האָט ניט פערשטאַנען, פאַר דעם מילדען, דינעם קלאַנג פון זיין שטימע, וואָס איז פאַר איהר געווען אזוי ליעבליך, פאַר דער בעטאָנונג, מיט וועלכע ער האָט ארויסגערעדט זיינע ווערטער, פאַר זיין מיעדען בליק, פאַר זיין כאַראַקטער און פאַר זיינע ווייכע, ווייסע הענט מיט דיא אָנגעלאָפענע אָדערען.

זיא פלעגט זיך ניט בלויז פרעהען, ווען זיא פלעגט זיך טרעפען מיט איהם, נור האָט אויך געזוכט אין זיין פנים דיא צייכענס פון יענעם איינדרוק, וואָס זיא האָט געמאכט אויף איהם. זיא האָט איהם געוועלט געפעלען זיין ניט נור מיט איהרע רייד, נור אויך מיט איהר גאנצען וועזען. פון זיינטוועגען האָט זיא זיך איצט באַשעפטיגט מיט איהרע קליידער מעהר איידער ווען ניט איז פריהער. זיא פלעגט זיך אמאָל כאפען אז זיא טרוימט וועגען דעם, וואָס עס וואָלט געווען, ווען זיא וואָלט געווען אונפערהייראַט און ער וואָלט געווען פריי. זיא פלעגט רויט ווערען פון אויפרעגונג, ווען ער פלעגט אריין אין איהר צימער; זיא האָט ניט געקאָנט צוריקהאלטען איהר שמייכעל פון ענטציקונג, ווען ער פלעגט איהר זאָגען עפעס וואָס אנגענעהמעס.

שוין עטליכע טעג וויא גרעפין לידיא איוואנאָוונא איז געווען אין העכסטער אויפרעגונג: זיא האָט זיך דערוואוסט, אז אננא מיט ווראָנסקין זיינען אין פעטערסבורג. מען דארף ראטעווען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשען פון צו זעהען זיך מיט איהר; מען דארף איהם ראטעווען אפילו פון דערוויסען זיך אז דיא דאָזיגע שרעקליכע פרויענצימער געפינט זיך איצט דאָ מיט איהם אין איין שטאָדט און ער קאָן זיך אמאָל בעגעגענען מיט איהר.

דורך איהרע בעקאנטע האָט לידיא איוואנאָוונא אויסגעפונען, וואָס דיא דאָזיגע ע ק ע ל ה א פ ט ע מ ע נ ש ע ן דיינקען צו טאָהן; אלס ע ק ע ל ה א פ ט ע מענשען האָט זיא בעצייכענט אננאן און ווראָנסקין; זיא האָט געזוכט איצט צו קירעווען אלע בעוועגונגען פון איהר פריינד, אז ער זאָל זיך ניט קאָנען בעגעגענען מיט זיי. דער יונגער אדיוטאנט, ווראָנסקיס פריינד, דורך וועלכען זיא פלעגט בעקומען אלע אויסקינפטע האָפענדיג אז ער וועט דערפאר אויסווירקען א קאָנצעסיאָן, האָט איהר געמעלדעט, אז זיי האָבען שוין געענדיגט אין פעטערסבורג אלע זייערע אנגעלעגענהייטען און פאָהרען מאָרגען אוועק. לידיא איוואנאָוונא האָט זיך שוין אָנגעהויבען גאָר צו בערוהיגען, וויא מען האָט איהר אויפ'ן צווייטען טאָג געבראכט א צעטעל און זיא האָט מיט שרעק דערקענט דיא האנדשריפט. דאָס איז געווען אננא קארענינאס האנדשריפט. דער קאָנווערט איז געווען פון הארטע פאפיער; אויף דעם לאנגליכען געלען פאפיער איז געווען א גרויסער מאָנאָגראם און פון בריעף האָט געשמעקט אזוי גוט.

— ווער האָט עס געבראכט?

— א געשיקטער פון האָטעל.

גרעפין לידיא איוואנאָוונא האָט זיך לאנג ניט געקאָנט אוועקזעצען איבערצולעזען דעם בריעף. ווען זיא האָט זיך אביסעל בערוהיגט, האָט זיא איבערגעלעזען פאָלגענדען פראנצויזישען בריעף:

„מאדאם לא קאמטעססע, דיא קריסטליכע געפיהלען, מיט וועלכע אייער הארץ איז איבערפילט, גיבען מיר דיא אונפערצייהליכע דרייסטקייט, וויא איך פיהל, צו שרייבען צו אייך. איך בין אונגליקליך פון דעם וואָס איך בין געשיידט פון מיין זוהן. איך בעט אייך וועגען דער ערלויבעניש צו זעהען איהם וויינינגסטענס איין מאָל פאר מיין אוועקפאָהר. פערצייהעט מיר וואָס איך ערמאָנער אייך וועגען זיך. איך ווענד זיך צו אייך, און ניט צו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש בלויז

דערפאר ווייל איך וויל דעם דאָזיגען גרויסמוטהיגען מענשען ניט פעראורזאכען קיין יסורים מיט דער עראינערונג וועגען זיך. וויסענדיג וואָס פאר א פריינד איהר זייט איהם, וועט איהר מיך פארשטעהן. וועט איהר צושיקען סעריאזשאן צו מיר אָדער זאָל איך אפשר צופאָהרען צום הויז אין א בעשטימטער שטונדע, וועלכע איהר וועט מיר אָנווייזען, אָדער איהר וועט מיך פיעלייכט לאָזען וויסען ווען און וואו איך קאָן איהם זעהען אויסערן הויז? וויסענדיג דעם גרויסמוטה פון יענעם, פון וועמען דאָס הענגט אָב ערוואַרט איך ניט קיין ענטזאגונג. איהר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלען וויא איך שמאַכט איהם צו זעהען און איהר קאָנט זיך דארום פאָרשטעלען יענע דאנקבארקייט, וועלכע אייער הילף וועט אין מיר ערוועקען".

„אננא".

אַלעס אין דעם דאָזיגען בריעף האָט אויפגעבראכט דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא: אי דער אינהאַלט, אי דיא אָנדייטונג אויף גרויסמוטה, און בעזונ־דער נאָך דער פאמיליארנער טאָן, וויא איהר האָט אויסגעוויזען.

— זאָג, אז קיין ענטפער וועט ניט זיין — האָט געהייסען גרעפין לידיא איוואנאָוונא דעם לאקיי, און זיא האָט זיך גלייך גענומען און האָט אָנגעשריבען צו אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטשען, אז זיא האָפט צו זעהען איהם איינס א זייגער, ווען עס וועט זיין דיא גראטולירונג־צערעמאָניע אין קיסרליכען הויף.

„איך מוז זיך מיט איך דורכריידען וועגען א וויכטיגער און טרויעריגער אנגעלעגענהייט. מיר וועלען דאָרט אָבמאַכען — וואו. דאָס בעסטע וואָלט געווען ביי מיר, וואו איך וועל הייסען פארטיג מאַכען א י י ע ר טהעע. נויטווענדיג. ע ר לייגט ארויף דעם קרייז, אָבער ע ר גיט אויך קרעפטען", האָט זיא צו־געלייגט אום פאָרצובערייטען איהם לכל הפחות פיעל ניט איז.

## 24.

דיא גראטולירונגען האָבען זיך געענדיגט. דיא אָבפאָהרענדע האָבען זיך צורעדט וועגען דיא לעצטע נאכריכטען פון טאָג — וועגען דיא נייע אויסצייכע־נונגען וואָס מאנכע האָבען בעקומען און וועגען דיא פערשיעדענע ענדערונגען אין דיא עמטער פון וויכטיגע פערזאָנען.

— ווען דיא גרעפין מאריא באריסאָוונא זאָל בעקומען דאָס מיניסטעריום פון מיליטערישע אנגעלעגענהייטען, און אַלס שטאב־נאטשאלניק פירסטין וואט־קאָווסקאיא — האָט געזאָגט א גרויאינקער אַלטער אין אן אויסגענעהטען גאָל־דענעם מונדיר, ווענדענדיג זיך צו א הויכער שעהנער האָף־פריילין, וועלכע האָט זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט וועגען דיא נייע אויסצייכענונגען.

— און מיך אַלס אדיוטאנט — האָט געענטפערט דיא פריילין שמייכ־לענדיג.

— פאר אייך איז שוין בעשטימט א שטעלע. איהר וועט בעקומען אן אמט אין קירכען־אנגעלעגענהייטען. און אַלס אסיסטענט צו אייך קארענין.

— וואָס מאַכט מען, פירסט! — האָט געזאָגט דער אַלטינקער, דריקענדיג דיא האַנד דעם צוקומענדען.

— וואָס האָט איהר דאָ גערעדט וועגען קאַרענינען? — האָט געפרעגט דער פירסט.

— ער און פּוטיאַטאַוו האָבען בעקומען דיא אַלעקסאַנדר נעווסקי לענטע.

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס האָט ער שוין לאַנג.

— ניין. גיט בלויז אדרבה אויף איהם אַ קוק — האָט געזאָגט דער אַל־טינקער, אָנווייזענדיג מיט זיין גאָלד־געשטיקטען הוט אויף קאַרענינען, וועלכער האָט זיך אין טיהר פון זאַל אָבגעשטעלט מיט איינעם פון דיא איינפלוסרייכסטע מיטגליעדער פון דער מלוכה־ראַטה, זייענדיג אָנגעטאָהן אין אַ הויף־מונדיר מיט אַ רויטער לענטע איבער'ן אַקסעל — איז גליקליך און צופריעדען וויא אַ קופּער־נער גראָשען — האָט ער געזאָגט, אָבשטעלענדיג זיך אַ דריק צו טאָהן דיא האַנד פון דעם אַטלעטישען שעהנעם קאַמער־הערר.

— ניין, ער איז פאַרעלטערט געוואָרען — האָט געזאָגט דער קאַמער־הערר.

— אויס דאַגה. ער שרייבט דאָך איצט אַלץ פּראָיעקטען.

— וויא אַזוי אַלט געוואָרען? איך מיין, אַז גרעפין לידיא איוואַנאָוונא איז איצט אייפערזיכטיג אויף זיין פרוי.

— נו, וואָס רעדט איהר? וועגען גרעפין לידיא איוואַנאָוונא טאָר מען קיין שלעכטס ניט דיינקען.

— איז דען עפּעס שלעכטעס דעריין, וואָס זיא איז פערליעבט אין קאַ־רענינען?

— איז דאָס אמת, אַז זיא, קאַרענינאַ איז דאָ?

— דאָס הייסט ניט דאָ, אין קיסרליכען הויף, נור אין פּעטערסבורג. איך האָב זיא נעכטען בעגעגענט, זיא מיט אַלעקסיי ווראָנסקי אויף מאַרסקאַיאַ.

— דער דאָזיגער מאַן האָט ניט קיין... — האָט געוועזן אָנגעהויבען דער קאַמערהערר, אָבער האָט זיך אָבגעשטעלט, מאַכענדיג אַ וועג און פערנייגענ־דיג זיך פאַר אַ פערבייגעהענדער פּערזאָן פון דער קיסרליכער פאַמיליע.

אַזוי האָט מען ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ־וויטש, אויסטהיילענדיג איהם און מאַכענדיג חוזק פון איהם, אין דער צייט ווען ער האָט אָנגעכאַפּט דעם מיטגליעד פון מלוכה־ראַטה און האָט איהם ערקלעהרט פּונקט פאַר פּונקט זיין פינאַנץ־פּראָיעקט, ניט אָבלאָזענדיג איהם פון זיך.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ניט געמערקט, אַז ער קאָן שוין ניט האָבען קיין האָפנונג צו שטייגען נאָך העכער אין דער אמט־וועלט, ער איז נאָך איצט מעהר איידער ווען ניט איז געוועזן צופריעדען פון זיין טהעטיגקייט: „דער פערהייראַטהער מאַן זאָרגט וועגען וועלטליכעס, וויא צו בעפריעדיגען זיין פרוי, און דער ניט פערהייראַטהער זאָרגט וועגען דאָס געטליכע, וויא געפעלען צו זיין פאַר גאָט", האָט געזאָגט דער אַפּאָסטאָל פּאַול, און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער איז איצט אין אַלעס געוועזן געלייטעט פון דיא הייליגע שריפטען האָט אָפט זיך עראינערט אויף דעם דאָזיגען טעקסט. איהם האָט זיך געדוכט, אַז פון

# אננא קארענינא

דעמאָלט אָן וואָס ער איז פערבליבען אָהן דער פרוי, האָט ער מיט דיא דאָזיגע פראָיעקטען מעהר געדיענט גאָט אלס פריהער.

אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז ניט געבליבען אין קיין פערלעגענהייט דערפון וואָס דער מיטגליעד פון מלוכה-ראטה, האָט אפנים געזוכט פטור צו ווערן פון איהם; ער האָט איהם אויפגעהערט צו ערקלעהרען זיינע פראָיעקטען בלויז דאַן, ווען דער דאָזיגער מיטגליעד האָט זיך בענוצט מיט דעם וואָס דיא פערזאָן פון קיסרליכע פאמיליע איז איצט דורכגעגאנגען און ער האָט זיך דערוויייל ארויס-געדרעהט פון קארענינען.

בלייבענדיג אליין האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, צונויפנעהמענדיג זיינע געדאנקען, האָט זיך דערנאָך צוטראָגענערהייט ארומ-געקוקט און האָט געזוכט גרעפין לידיא איוואנאָוונא.

„און וואָס פאר א קרעפטיגע און געזונדע זיי זיינען אלע פיזיש". האָט א טראכט געטאָהן אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, קוקענדיג אויף דעם מעכטיגען קאַ-מערהערר, מיט זיינע צוקאמטע, שמעקעדיגע באקענבארדען און אויף דעם רויטען קארק פון דעם פירסט, איינגעצויגען אין מונדיר, פערביי וועלכען איהם איז אויס-געקומען פערביי צו געהן. „אמת איז דער שפרוך, אז אלעס אין דער וועלט איז בייזעס", האָט ער א טראכט געטאָהן, קוקענדיג נאָך אמאָל קרומלעך אויף דיא איקרעס פון דעם קאמערהערר.

— א, אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש! — האָט געזאָגט דער אלטינקער, בייז בליצענדיג מיט דיא אויגען — איך האָב אייך נאָך ניט גראטולירט — און ער האָט אָנגעוויזען אויף דער נייער לענטע.

— איך דאנק אייך, — האָט געענטפערט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — וואָס פאר א ש ע נ ע ר טאָג היינט איז — האָט ער צוגעלייגט בעזונדער דריי-קענדיג דאָס וואָרט ש ע ה נ ע ר, וויא זיין געוועהנהייט איז געווען.

אז זיי האָבען געלאכט פון איהם, דאָס האָט ער געוואוסט, אָבער ער האָט פון זיי גאָרנישט ערוואָרט א דיז שנאה; און דערצו איז ער שוין געוועהנט גע-וואָרען.

דערזעהענדיג דיא געלע שולטערן פון גרעפין לידיא איוואנאָוונא, וועלכע האָבען זיך ערהויבען פון קארסעט, און איהרע פערטראכטע, שעהנע אויגען, וועלכע האָבען איהם גערופען, האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש א שמייכעל גע-טאָהן, צועפענדיג זיינע ווייסע צייהנער, און ער איז צוגעגאנגען צו איהר.

לידיא איוואנאָוונאס טואלעט האָט איהר געקאָסט פיעל מיה אין דער לעצטער צייט. דער צוועק פון איהר איצטיגען קליידען זיך איז געווען אקוראט א פארקעהרטע פון איהר קליידען זיך מיט דרייסיג יאָהר צוריק. דאַן האָט זיך געוועלט מיט וואָס ניט איז בעפּוצעז און וואָס מעהר בעפּוצונג אלץ בעסער. איצט איז אָבער די אויספּוצונג אזוי ניט פּאסיג פאר איהרע יאָהרען און איהר פיגור, אז זיא האָט געזוכט צו פארגלעטען דעם אונטערשיעד פון איהר בעפּוצונג אין איהר פיגור. איהר איז עס געלונגען לכל הפחות, אויף וויפיעל זיא האָט געוועלט דערמיט ווירקען אויף אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש און זיא האָט איהם איצט

# אננא קארענינא

אויסגעוויזען זיך זעהר אנציהענד. זיא איז פאר איהם איצט געווען דער איינצעלנער אינזעל פון ליעבע אין א ים פון פיינדשאפט און אבלאכונגען.

דורכגעהענדיג דורך א רייהע פון חוזק־מאכענדע בליקען, האט ער זיך נאטירליך געצויגען צו איהר פערליעבטען בליק וויא א פלאנצע ציהט זיך צו ליכט.

— גראטולירע אייך — האט זיא געזאגט אנווייזענדיג מיט דיא אויגען אויף דער לענטע.

ער האט צוריקגעהאלטען זיין הנאה־שמייכעל, האט א קוועטש געטאהן מיט דיא אקסלען, וויא ער וואלט זאגען, אז דאס קאן אידם ניט געבען קיין פרייד. גרעפין לידיא איוואנאוונא האט אבער געוואוסט זעהר גוט, אז דאס איז איינע פון זיינע הויפט־שמחות, הגם ער האט דאס קיין מאל ניט צוגעגעבען.

— וואס מאכט אונזער ענגעל? — האט געפרעגט לידיא איוואנאוונא, מיינענדיג דערמיט סעריאזשאן.

— איך קאן ניט זאגען אז איך זאל מיט איהם זיין אין גאנצען צופריעדען. און סיטניקאוו (סיטניקאוו איז געווען סעריאזשא'ס לעהרער) איז מיט איהם אויך ניט צופריעדען; עפעס איז אין איהם א קאלטקייט צו אלע פראגען, וועלכע דארפען הויפטזעכליך ריהרען יעדען מענשען און יעדען קינד — האט אנגעהויבען צו ערקלעהרען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, ביי וועמען דאס איז אויסער זיין אמט געווען דיא איינציגע פראגע, וועלכע האט איהם אינטערעסירט, דיא ערציהונג פון זיין זוהן. ער האט איצט געווידמעט א געוויסע צייט אויסצושטודירען דיא פראגע פון ערציהונג, זינט דער זוהן איז געבליבען אויף זיינע הענד. איבערלעזענדיג עטליכע ביכער פון אנטראפאלאגי, פעדאגאגי, און דידאקטיק, האט אלעקסיי אויסגעארבייט פאר זיך א פלאן פון ערציהונג, האט איינגעלאדען איינעם פון דיא בעסטע פעדאגאגען אין פעטערסבורג און האט זיך שטארק פערנומען מיט דער ערציהונגס־ארבייט.

— יא, אבער זיין הארץ? איך זעה אין איהם זיין פאטערס הא־ץ און מיט אזא הארץ קאן א קינד ניט זיין שלעכט — האט געזאגט לידיא איוואנאוונא מיט ענטציקונג.

— איהר וועט קומען צו מיר — האט געזאגט גרעפין לידא איוואנאוונא, שווייגענדיג — מיר דארפען זיך דורכריידען וועגען אייערער א טרויעריגער אנגעלעגענהייט. איך וואלט אלעס געגעבען אום צו בעפרייען אייך פון מאנכע ערינערונגען, אבער אנדערע דיינקען אנדערש. איך האב ערהאלטען א בריעף פון א י ה ר. ז י א איז דא אין פעטערסבורג.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט א ציטער געטאהן ביי דער ערינערונג וועגען דער פרוי; באלד אבער איז אויף זיין פנים ארויסגעטראטען יענע טויטע אונבעוועגליכקייט, וועלכע האט אויסגעדריקט פאלשטענדיגע אונבעהילפליכקייט אין דיזער אנגעלעגענהייט.

— איך האב דאס ערווארט — האט ער געזאגט.

גרעפין לידיא איוואנאוונא האט מיט ענטציקונג אויף איהם א קוק גע־

טהאָן און טרערען האָבען זיך געוויעזען אין איהרע אויגען אויס בעצויבערונג פון זיין גרויסמוטהיגקייט.

## 25.

ווען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז אריין אין לידיא איוואנאָוונא'ס קליינעם קאבינעט, וועלכער איז געווען אויסגעשטעלט מיט אלטע פאָרצעלאן און בעהאנגען מיט בילדער, איז נאָך דיא ווירטהין אליין דאָ ניט געווען.

זיא האָט געהאלטען אין איבערטאָהן זיך.

אויף דעם רונדען טיש, באדעקט מיט א טישטוך, איז געשטאנען א כינעזישער טהעע־סערוויז מיט א זילבערנעם ספירעט־טשאיניק. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט מיט א צוטראָגענעם בליק בעקוקט דיא פיעלע בעקאנטע פאָרטרעטען, וואָס האָבען בעפוצט דעם קאבינעט, און זעצענדיג זיך ביים טיש, האָט ער צועפענט דאָס יעוואנגעליום, וואָס איז דאָ געלעגען. דער רויש פון דער גרעפין'ס זיידענע קליידער האָט איהם אויפגעוועקט.

— נו, אָט איצט וועלען מיר זיך זיצען רוהיג — האָט געזאָגט גרעפין לידיא איוואנאָוונא — און מיר וועלען זיך דורכריידען ביים טהעע.

נאָך עטליכע פאָרבערייטונגס־ווערטער האָט גרעפין לידיא איוואנאָוונא, אָטהעמענדיג שווער און רויט ווערענדיג, איבערגעגעבען איהם אין האנד דעם ערהאלטענעם בריעף.

איבערלעזענדיג דעם בריעף, האָט ער לאנג געשוויעגען.

— איך רעכען ניט, אז איך זאָל האָבען רעכט איהר אָבזאָגען דעריין — האָט ער געזאָגט געלאסען, אויפהויבענדיג דיא אויגען.

— מיין פריינד, איהר זעהט אין קיינעם קיין שלעכטעס ניט!

— פארקעהרט, איך זעה אין אלעם עפּעס שלעכטעס. אָבער צו איז דאָס רעכט אזוי...

— ניין — האָט איבערגעשלאָגען גרעפין לידיא איוואנאָוונא — אלעס האָט א גרענעץ. איך פערשטעה אונזיטליכקייט — דאָס האָט זיא געזאָגט ניט אויפריכטיג, ווארום זיא האָט אין אמת'ן קיין מאָהל ניט פערשטאנען וואָס קאָן טרייבען א פרויענצימער צו אונזיטליכקייט — אָבער איך פערשטעה ניט קיין אכזריות. און געגען ועמען? געגען אייך? וויא אזוי ערלויבט מען זיך צו זיין אין דער שטאָדט וואו איהר זייט? ניין, וואָס מעהר מען לעבט אלץ מעהר זעהט מען. און איך זוך צו פארשטעהען אייער הויכקייט און איהר נידריגקייט.

— און ווער וועט ווארפען א שטיין? — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, א צופריעדענער אפּנים מיט זיין ראָלע — איך האָב אלעס פערציהעט און קאָן דארום פון איהר ניט אָבנעהמען דאָס, וואָס פאר איהר איז א באדערונג פון ליעבע — ליעבע צום זוהן...

— איז דאָס דען אָבער ליעבע, מיין פריינד? איז דאָס דען אויפריכטיג?

לאמיר זאגען, אז איהר האט פערציייהעט, אז איהר פערצייהעט אויך איצט... אבער דיא פראגע איז, צו האבען מיר א רעכט אזוי צו ווירקען אויף דער נשמה פון דעם ענגעל? ער רעכענט דאך זיא פאר געשטארבען. ער בעט גאט פאר איהר, אז דער אויבערשטער זאל איהר מוחל זיין פאר איהרע עבירות.... און עס איז בעסער אזוי. און איצט וואס וועט ער דען טראכטען?

— איך האב וועגען דעם ניט געדיינקט — האט געזאגט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש, איינשטימענדיג וויא עס האט געשיינט.

גרעפין לידיא איוואנאוונא האט פערדעקט דעם פנים מיט דיא הענד און האט געשוויגען זיא האט תפילה געטהאן.

— אויב איהר פרעגט מיין עצה — האט זיא געזאגט עפענענדיג איהר פנים נאך'ן געבעט — ראטה איך אייך ניט דאס צו טאהן. זעה איך דען ניט וויא איהר ליידעט. וויא דאס האט צועפענט אייערע וואונדען? אבער, לאמיר רעכענען, אז איהר פערגעסט וועגען זיך אליין, וויא אימער. צו וואס וועט דאס אבער פיהרען? בלויז נייע יסורים פאר אייך און אן אבקומעניש פאר'ן קינד? אויב אין איהר איז נאך געבליעבען עפעס מענשליכעס, דארף זיא דאס אליין ניט פערלאנגען. נייז, גאר אהן שום שוואנקען, זאג איך, אז איך ראטה אייך ניט דאס צו טאהן, און אויב איהר ערלויבט, וועל איך איהר שרייבען אן ענטפער.

און אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט איינגעשטימט. גרעפין לידיא איוואנאוונא האט אנגעשריעבען פאלגענדען פראנצויזישען בריעף:

„גנעדיגע מאדאם,

„דיא עראינערונג וועגען אייך קאן ווירקען פאר אייער זוהן אזוי, אז דאס זאל אין איהם ארויסרופען פראגען, אויף וועלכע מען קאן ניט ענטפערן, ניט ארייננטאהנדיג אין דעם קינד'ס נשמה א פעראורטהיילונג פון דאס וואס עס דארף פאר איהם זיין א הייליגקייט, און דארום בעט איך איהר זאלט פארשטעהן אייער מאן'ס ענטזאגונג אין דעם גייסט פון קריסטליכער ליעבע. איך בעט דעם אויבערשטען צו זיין גנעדיג צו אייך.“

„גרעפין לידיא.“

דער בריעף האט ערררייכט זיין בעהאלטענעם צוועק, וועלכען דיא גרעפין לידיא איוואנאוונא האט בעהאלטען פון זיך אליין. דאס בריעף האט אויף דאס טיעפסטע בעליידיגט אננא'ן.

צוריקקעהרענדיג פון גרעפין לידיא איוואנאוונא אהיים, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש אין דעם דאזיגען טאג ניט געקאנט איבערגעבען זיך זיינע געוועהנליכע בעשעפטיגונגען און געפינען יענע גייסטיגע רוהיגקייט פון א גלויבענדען און געראטעוועטען מענשען, וויא ער האט געפיהלט פריהער. ער האט ניט געקאנט פארשטעהן דעם בוך, וועלכען ער האט געלעזען, האט ניט געקאנט אבשטויסען פון זיך דיא עראינערונגען וועגען אננא'ן, האט זיך ניט געקאנט צווינגען ניט צו טראכטען וועגען פעהלערן, וועלכע ער האט בעגאנגען בנוגע צו איהר, וויא ער האט דאס איצט איינגעזעהען. דיא עראינערונג וועגען דאן, נאך דיא רייסעס, וויא ער האט אויפגענומען איהר געשטענדניס וועגען איהר אונטרייהייט און זיין פאדערונג זיא זאל נאכקומען דיא אויסערליכע אנשטענדיגקייט און

האָט ניט ארויסגערופען אויף א דועל, דאָס האָט איהם בעזאָנדערס געמאַטערט. די עראינערונג וועגען דעם בריעף, וואָס ער האָט איהר געשריעבען, זיין פער־ צייהונג, וועלכע קיינער האָט ניט געדארפט, זיין ליעבע צום פרעמדען קינד. דאָס אַלעס האָט איהם איצט געמאַטערט.

און פונקט אזא געפיהל פון שאַנדע און חרטה האָט ער געהאַט איצט, ווען ער האָט צוגלידערט זיין גאַנצע פערגאַנגענהייט מיט אננא און דערמאָנענדיג זיך דיא ווערטער, מיט וועלכע ער האָט נאָך לאַנגער אונענטשלאָסענהייט געמאַכט איהר זיין פאָרשלאַג.

„אָבער אין וואָס בין איך שולדיג?“ האָט ער זיך אַליין געפרעגט און דיא דאָזיגע פראַגע האָט ארויסגערופען אימער אַן אַנדער פראַגע: וויא זיינען דיא אַנדערע, דיא אבלאַנסקים, דיא וראָנסקים... דיא דאָזיגע קאַמערהערען מיט דיא דיקע איקרעס — פיהלען זיי דען אַנדערש, ליעבען זיי אַנדערש, הייראַטהען זיי אַנדערש? און איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט איצט א גאַנצע רייהע פון דיא דאָזיגע זאפטיגע, קרעפטיגע מענשען, וועלכע צווייפלען קיין מאָהל ניט, וועלכע ציהען אויף זיך אומעטום און אַלע מאָל זיין נייגעריגע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אָבגעיאָגט פון זיך דיא דאָזיגע געדאַנקען, ער האָט געזוכט זיך צו איבער־ צייגען, אַז ער לעבט ניט פאַר איצטיגען צייטיגען לעבען, נור פאַר אויביגען לע־ בען, אַז ביי איהם אין דער נשמה איז פריעדען און ליעבע. אָבער דאָס וואָס ער האָט אין זיין איצטיגען, אונבעדייטענדען לעבען געטאָהן, וויא איהם האָט זיך געדוכט, מאַנכע פעהלערען, האָט איהם געמאַטערט אזוי, וויא עס וואָלט גאָר ניט געוועזן יענע אייביגע רעטונג, אין וועלכער ער האָט געגלויבט. אָבער דער דאָזיגער נסיון האָט ניט לאַנג געדויערט און אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס נשמה האָט ווידער איינגעטראָטען יענע רוהיגקייט און יענע הויכקייט, צו פערדאַנקען וועלכע ער האָט געקאָנט פאַרגעסען דאָס, וואָס ער האָט ניט געוועלט געדיינקען.

26.

— נו, וואָס, קאַפיטאַניטש? — האָט געפרעגט סעריאזשא, א רויטער, א פרעהלעכער, ווען ער האָט צוריקגעקעהרט פון שפאַציר־גאַנג ערב זיין געבורטס־ טאָג, ריידענדיג צום הויכען, שמייכלענדען שווייצאר, ווען ער האָט דערלאַנגט זיין מאַנטעלע — נו, וואָס איז געוועזן היינט דער פערבונדענער טשינאָווניק? האָט איהם דער פאַפאַ אויפגענומען?

— אויפגענומען. וויא נור דער פערוואַלטער פון קאַנצעלאַריע איז אַרויס, האָב איך גלייך געמעלדעט וועגען איהם — האָט געענטפערט דער שווייצאר — ערלויבט נור איך וועל אַראָבנעהמען.

— סעריאזשא! — האָט א זאָג געטאָהן דער סלאַווישער ערציהער צו סעריאזשאַן — טהוט אוים דעם מאַנטעל אַליין.

סעריאזשא האָט אפילו געהערט דיא שוואַכע שטימע פון דעם ערציהער, האָט אָבער ניט געצאָהלט דערויף קיין אויפמערקזאַמקייט. ער איז געשטאַנען און האָט זיך געהאַלטען מיט'ן האנד פאר'ן שווייצארס גורט און געקוקט איהם אין נעזיכט.

— וויא־זשע, האָט דער פאפא פאר איהם געטאָהן וואָס עס איז נויטיג ?

דער שווייצאר האָט א שאָקעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ אויף יא.

דער פערבונדענער טשינאָווניק, וועלכער איז שוין געגאַנגען זיבען מאָהל מיט עפּעס א בקשה צו אַלעקסעי אַלעקסאנדראָוויטש, האָט אינטערעסירט אי סעריאָזשאַן אי דעם שווייצאר. סעריאזשא האָט איהם דערזעהען איין מאָל אין פאָרהויז און האָט געהערט וויא ער האָט יאמערליך געבעטען דעם שווייצאר, ער זאָל וועגען איהם מעלדען, זאָגענדיג, אַז איהם קומט אויס מיט זיין פאַמיליע צו שטאַרבען פון הונגער. פון דאַן אָן האָט זיך סעריאזשא פעראינטערעסירט מיט דעם פערבונדענעם טשינאָווניק.

— איז ער געוועזען זעהר צופריעדען ? — האָט ער געפרעגט.

— אַלץ הייסט צופריעדען ! ער איז שיער געשפּרונגען פון שמחה ווען ער איז אַוועק פון דאַנען.

— נו, מיין הערר'לע, פאראַן עפּעס פון דער גרעפין — האָט געזאָגט שטיל דער שווייצאר שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

סעריאזשא האָט גלייך פערשטאַנען, אַז דער שווייצאר מיינט דאָס וועגען א מתנה וואָס דיא גרעפין לידיא איוואַנאָוונא האָט מסתמא געשיקט צו זיין געבורטסטאָג.

— וואָס רעדסט דוא ? וואו ?

— קארניי האָט עס אריינגעטראָגען צום פאפא. דאָס מוז זיין אפנים זעהר א גוטע זאַך.

— וויא גרויס ? אזוי ?

— קלענער, אָבער דערפאר א גוטס.

— אביכעל ?

— ניין, א זאַך. געהט, געהט, וואסילי לוקיטש רופט — האָט געזאָגט דער שווייצאר, הערענדיג וויא עס קומט צו דער ערציהער.

— וואַסילי לוקיטש, דיא מינוט קום איך ! — האָט געענטפערט סעריאזשא מיט יענעם פרעהלעכען און ליעבענדען שמייכעל, וועלכער האָט אימער בעזיעגט דעם פּינקטליכען וואסילי לוקיטש.

סעריאזשען איז געוועזען צו פרעהליך, צו גליקליך איז אַלעס פאר איהם געוועזען, אז ער זאָל זיך קאָנען צוריקהאַלטען פון צו טהיילען מיט זיין פריינד דעם שווייצאר נאָך א פאַמיליען־שמחה, וועגען וועלכער ער האָט זיך נור וואָס דערוואוסט אין זומער־גארטען פון לידיא איוואַנאָוונאס פּלימעניצע. דיא דאָזיגע שמחה האָט איהם אויסגעוויזען צו זיין בעזונדער וויכטיג וויל עס איז אויסגעקומען אקוראט

ווען דעם טשינאָווניק איז אויך געוואָרען פרעהליך און ווייל מען האָט איצט אויך געבראַכט פאַר איהם אַ מתנה אַ גוטע זאַך. סעריאָזשאַן האָט זיך געדוכט אז היינט איז אַזאַ טאָג, אין וועלכען אַלע דאַרפען זיין צופריעדען און פרעהליך.

— ווייסט דוא, פּאַפּאַ האָט דאָך ערהאַלטען אַן אַלעקסאַנדער נעווסקי?

— וויא זאָל איך ניט וויסען! מען איז שוין געקומען אהער מיט גראַטו־לאַציאָנען.

— פרעהט ער זיך עפּעס?

— וויא זאָל מען זיך ניט פרעהען מיט דעם קיסר'ס גנאַדען! דאָס הייסט דאָך, אַז מען האָט פערדיענט — האָט געזאָגט דער שווייצאַר שטריינג און ערענסט.

סעריאָזשאַ האָט זיך פערטראַכט, איינקוקענדיג זיך אין דעם שווייצאַר'ס פּנים, וועלכען ער האָט אויסגעפּאָרשט שוין מיט אַלע קלייפּערליך.

— נו, און דיין טאָכטער איז שוין לאַנג געווען ביי דיר?

דעם שווייצאַרס טאָכטער איז געווען אַ באַלעט־טענצערין.

— וויא־זשע קאָן זיא געהן אין מיטען דער וואָך? ביי זיי דאַרף מען דאָרט אויך לעהרנען. און איהר דאַרפט אויך געהען לעהרנען, מיין הערר.

אריינקומענדיג אין זיין צימער, האָט סעריאָזשאַ אנשטאָט דעם וואָס ער זאָל זיך זעצען צו זיין אורֹאָק, אָנגעהויבען דערצעהלען דעם לעהרער זיין מיינונג, אַז דאָס וואָס מען האָט איהם געבראַכט אַלס אַ מתנה מוז זיין אַ מאַשין.

— וויא דיינקט איהר? — האָט ער געפרעגט.

אָבער וואַסילי לוקיטש האָט געטראַכט בלויז וועגען דעם, אַז מען דאַרף לעהרנען גראַמאַטיק אום צו פערפערטיגען מיט סעריאָזשאַן זיין לעקציאָן ביז דער לעהרער וועט קומען צוויי אַ זייגער.

— ניין, אָבער איהר מוזט מיר זאָגען, וואַסילי לוקיטש — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָהן, זיצענדיג שוין ביים אַרבייטס־טיש און האַלטענדיג אין דאַנד דעם בוך — וואָס איז גרעסער פון אַלעקסאַנדער נעווסקי? ווייסט איהר אַז דער פּאַפּאַ האָט בעקומען אַן אַלעקסאַנדער נעווסקי?

וואַסילי לוקיטש האָט געענטפערט, אַז גרעסער פון אַלעקסאַנדער נעווסקי איז וולאַדימיר.

— און העכער?

— העכער פון אַלע אויסציייכענונגען איז אַנדריי פּערוואָזוואַני.

— און העכער פון אַנדרעיען?

— ווייס איך ניט.

— וויא, איהר ווייסט אויך ניט? — און סעריאָזשאַ האָט זיך פער־טראַכט.

זיינע טראַכטונגען זיינען געווען זעהר קאָמפּליצירטע און פערשיעדענאַר־טיגע. ער האָט פאַנטאַזירט וועגען דעם, אַז זיין פאָטער וועט בעקומען פּלוצלונג אַ וולאַדימיר און אַן אַנדריי, און אַז דאַרום וועט דער טאַטע מסתמא זיין היינט בעסער, ווען ער וועט זיך זעצען מיט איהם לעהרנען, און אז ער, סעריאָזשאַ, אליין וועט בעקומען אַלע אָרדענס, אַפילו דיא, וועלכע מען וועט אויסקלעהרען נאָך הע־

כער פון אַנדרעיען. וויא נור מען וועט אויסקלעהרען א נייעם אָרדען, וועט ער איהם שוין פערדיענען. און ווען זיי וועלען נאָך א העכערען אויסקלעהרען, וועט ער איהם גלייך פערדיענען.

אין אַזעלכע בעטראַכטונגען איז אַוועק דיא צייט, און ווען דער לעהרער איז געקומען איז דיא לעקציאָן פון גראַמאַטיק ניט געווען פאַרטיג און דער לעהרער איז געווען ניט בלויז אונצופריעדען, נור אויך געקריינקט. דעם לעהרערס קריינקונג האָט שטאַרק געערגערט סעריאָזשאַן. ער האָט געפיהלט, אַז ער איז ניט שולדיג וואָס ער האָט דיא לעקציאָן ניט געלערענט; וויא ער האָט אַליין ניט געוועלט, האָט ער ניט געקאָנט מאַכען: וויא לאַנג דער לעהרער האָט איהם ערקלעהרט האָט ער דעם לעהרער געגלויבט און האָט אַזוי וויא פערשטאַנען, נור וויא דער לעהרער האָט איהם איבערגעלאָזען אַליין, האָט ער ענטשיעדען ניט געקאָנט פאַרשטעהן און געדיינקען דיא גאַנצע ערקלעהרונג פון היינטיגער לעקציאָן גראַמאַטיק, אַז דאָס קורצינקע און זעהר פערשטענדליכע וואָרט „פלוצלונג“ איז *דער אומשטאַנד פון דעם אופן דער האַנדלונג*; איהם האָט אָבער זעהר פערדראָסען וואָס ער האָט פעראורזאַכט דעם לעהרער קריינקונג.

ער האָט אויסגעוועהלט א מינוט, ווען דער לעהרער האָט שווייגענדיג געקוקט אין בוך.

— מיכאַאיל איוואַניטש, ווען איז אייער געבורטסטאָג? — האָט ער פלוצלונג א פרעג געטהאָן.

— איהר וואָלט בעסער געטראַכט וועגען אייער אַרבייט, און געבורטסטעג האָבען קיין בעדייטונג ניט פאַר א פערנינפטיגען מענשען. דאָס איז אויך אַזא טאָג וויא אַלע אַנדערע טעג, אין וועלכע מען דאַרף אַרבייטען.

סעריאָזשא האָט אויפמערקזאַם א קוק געטהאָן אויף דעם לעהרער, אויף זיין שיטערען בערדעל, אויף דיא ברילען און האָט זיך אַזוי פערטראַכט, אַז ער האָט שוין גאָרנישט געהערט פון דעם וואָס דער לעהרער האָט צו איהם גערעדט. „אָבער צו וואָס האָבען זיי זיך אַלע צונויפגערעדט צו זאָגען מיר אַלע דיזעלביגע זאַכען, אויף דעמזעלבען אופן, אַלץ אַזעלכע ניט נויטיגע און לאַנגווייליגע זאַכען? פאַר וואָס שטויסט ער מיך אָב פון זיך? פאַר וואָס ליעבט ער מיך ניט?“ האָט ער געפרעגט זיך אַליין א טרויעריגער און האָט ניט געקאָנט צוטראַכטען קיין ענטפער דערויף.

## 27.

נאָך דעם לעהרער איז געווען דעם פאָטערס לעקציאָן. וויא לאַנג דער פאָטער איז נאָך ניט אַריין האָט סעריאָזשא געזעצט זיך ביים טיש, שפיעלענדיג מיט'ן מעסערל און האָט אָנגעהויבען טראַכטען. איינע פון סעריאָזשאַס ליעבליכסטע בעשעפטיגונג איז געווען אויסצוזוכען זיין מוטער אין דער צייט פון שפאַציערען.

ער האָט אין אַלגעמיין ניט געגלויבט אין טויט און בעזונדער נאָך האָט ער ניט געגלויבט, אַז זיין מאַמע זאָל קאָנען שטאַרבען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס לידיא איוואַנאָוונא האָט איהם געזאָגט אַזוי און דער פאָטער האָט דאָס בעשטעטיגט. און דארום אפילו נאָך דעם שוין וויא מען האָט איהם געזאָגט, אַז זיא איז טויט, פלעגט ער אין דער צייט פון זיין שפּאַציער־גאַנג זוכען זיא צו געפינען. יעדער פרוי, אַ פולע, אַ גראַציעזע, מיט דונקעלע האָאר איז געוועזן זיין מאַמע. דערזעהענדיג אַז פרוי פלעגט זיך אין זיין הערצעל ערוועקען אַזאַ געפיהל פון צערטליכקייט, אַז איהם פלעגט פערכאַפּען דער אטהעם און טרעהרען פלעגען ארויסטרעטעז אין דיא אויגען. און ער האָט געוואַרט, אַז אָט־אָט וועט זיא צוגעהן צו איהם, וועט אויפהויבען דעם שלייער. איהר גאַנצער פּנים וועט זיך זעהען און זיא וועט שמייכלען, וועט איהם ארייננעהמען אין איהרע ארעמס, ער וועט דערהערען איהר ריח, וועט פיהלען דיא צאַרטקייט פון איהרע הענד און וועט זיך צואווינען גליקליכערהייט וויא ער האָט איין מאָל אין אבענד געלייגט זיך ביי איהר צופוסען, זיא האָט איהם געקיצעלט און ער האָט אַזוי געלאַכט און געביסען איהרע ווייסע הענד מיט דיא רינגעלעך.

דערנאָך ווען ער האָט צופעליג דערוואוסט זיך פון זיין ניאַניאַ, אַז זיין מוטער איז ניט געשטאָרבען, און דער פאָטער מיט לידיא איוואַנאָוונא האָבען איהם ערקלעהרט, אַז פאַר איהם דאַרף זיא זיין גערעכענט אַלס געשטאָרבען דערפאַר, ווייל זיא איז ניט קיין גוטע (וואָס ער האָט קיין מאָהל ניט געקאָנט גלויבען, ווייל ער האָט זיא געליעבט) האָט ער זיא פון דעסטוועגען אויך געזוכט און ערוואַרט. היינט איז אין זומער־גאַרטען געוועזן איין דאַמע אין אַ לילע־שלייער; ער האָט איהר נאכגעקוקט מיט אַ פערשטאָרבענעם האַרצען, ווען זיא איז צוגעגאַנגען צו איהם אויפ'ן שטעגעל. דיא דאָזיגע דאַמע איז ניט דערגאַנגען ביז זיי און זיא ערגעץ פערשוואונדען. היינט האָט סעריאַזשאַ מעהר פון ווען עס איז געפיהלט עפּעס אַ בעזונדער צוגום פון ליעבע צו איהר און האָט זיך אַזוי פערטראַכט וועגען דעם, זיצענדיג און וואַרטענדיג אויפ'ן פאָטער, אַז ער האָט פון פאַרטראַכטקייט צושניטען דעם גאַנצען טיש.

— דער פּאַפּאַ געהט — האָט איהם אויפגעמונטערט וואסילי לוקיטש.

סעריאַזשאַ איז אויפגעשפּרונגען און איז צוגעלאָפען צום פאטער, האָט אַ קוש געטאָהן זיין האַנד, האָט אויף איהם אויפמערקזאם אַ קוק געטאָהן, זוכענדיג צו דערקענען אין איהם צייכענס פון פרייד פאַר בעקומען אַן אַלעקסאַנדער נעווסקי.

— האָסט דוא גוט שפּאַצירט? — האָט געפרעגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, זעצענדיג זיך אין זיין שטוהל און האָט צוגערוקט צו זיך דיא ביבעל און געעפענט. ניט קוקענדיג דערויף וואָס אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט שוין ניט איין מאָל געזאָגט סעריאָזשאַן, אַז יעדער קריסט איז מחויב צו קענען דיא היילינע געשיכטע, האָט ער אַליין געמוזט זיך פון דעסטוועגען פריהער איינקוקען אין בוך איידער ער האָט מיט איהם אנגעהויבען דיא לעקציאָן, און סעריאַזשאַ האָט דאָס בעמערקט.

— יאַ, עס איז געוועזן זעהר פרעהלאך צו שפּאַצירען, פּאַפּאַ — האָט געזאָגט סעריאַזשאַ, זעצענדיג זיך מיט אַ זייט אויפ'ן ברעג שטוהל און וויגענדיג

זיך, וואָס איז איהם געווען פערבאָטען — איך האָב געזעהען נאַדינקען. (נאַדינקא איז געווען דיא גרעפין לידיא איוואנאָוונא'ס א פּלימעניצע, וועלכע האָט זיך ביי איהר געהאָדעוועט.) זיא האָט מיר געזאָגט, אז מען האָט אייך געגעבען א נייעם מעדאַל. פרעהט דאָס אייך, פּאַפּאַ?

— ערשטענס, שאָקעל זיך ניט, זיי אזוי גוט — האָט געזאָגט אלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש — און צווייטענס, ניט דיא בעלוינונג איז טהייער, נור דיא אַרבייט. און איך וואָלט וועלען דוא זאָלסט עס געדיינקען און פארשטעהן. ווען דוא וועסט אַרבייטען, ווערסט זיך לערנען כדי צו בעקומען א בעלוינונג ווערט דיא אַרבייט דיר ווייזען זיך שווער, אָבער ווען דוא ליעבסט דיא אַרבייט ווערסט דוא שוין דעריין גופא געפינען דיא בעלוינונג.

סעריאזשאס גלאַנציגע פרעליכקייט און צערטליכקייט פון דיא אויגען זיינען פערלאָשען געוואָרען און אונטער דעם פאטערס בליק האָבען זיך זיינע אויגען ארונטערגעלאָזען. סעריאזשא האָט געפיהלט, אז דער פאָטער רעדט מיט איהם תמיד עפּעס אזוי, וויא ער וואָלט דאָס גערעדט צו א אינגעל וויא דיא וואָס מען שילדערט אין דיא ביכלעך, וועלכע זיינען גאָר ניט עהנליך צו סעריאזשאַן. און סעריאזשא פלעגט אימער פאר'ן פאָטער פאָרשטעלען זיך שוין פאר אזא אינגעל וויא אין ביכעל שטעהט.

— איך האָף, אז דוא פארשטעהסט דאָס! — זאָגט דער פאָטער.

— יא, פּאַפּאַ — ענטפערט סעריאזשא, פארשטעלענדיג זיך אלס יענער פאַנטאַסטישער אינגעל.

דיא לעקציאָן איז בעשטאנען אין אויסלערנען אויף אויסווייניג עטליכע פערזען פון יעוואַנגעליום און איבערחזר'ן נאָך אמאָל פון אָנהויב דיא ביבעל. דאָס וואָס ער האָט געדאַרפט קענען אויסווייניג, האָט סעריאזשא געוואוסט ניט שלעכט, אָבער וויא ער האָט אָנגעהויבען צו זאָגען האָט ער זיך פארקוקט אויף דעם ביין פון טאטענס שטערן, וועלכער איז געווען אזוי אויסגעבויגען שאַרף ביים שלייף, אז ער האָט זיך פערפּלאָנטערט. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט געזעהען, אז סעריאזשא פארשטעהט אפּנים ניט דעם טייטש פון דיא ווערטער, פאַר־שטעהט ניט וואָס ער רעדט און דאָס האָט איהם אויפגערעגט.

ער האָט זיך אָנגעוואָלקענט און האָט אָנגעהויבען צו ערקלעהרען דאָס וואָס סעריאזשא האָט שוין פיעל מאָל געהערט און וואָס ער האָט קיין מאָהל ניט געקאָנט געדיינקען, טאַקע דערפאַר ווייל ער האָט דאָס שוין צו גוט פערשטאנען, וויא צ. ב. ש., מיט דער גראַמאַטיק, אז „פּלוצלונג“ איז דער אומשטאַנד פון דעם אופן פון דער האַנדלונג. סעריאזשא האָט געקוקט אויפ'ן פאטער מיט צושראָקענע אויגען אין האָט געטראַכט בלויז וועגען איין זאך, וועט איהם דער פאָטער הייסען איבערזאָגען נאָך אמאָל דאָסזעלביגע אָדער ניט? אָבער דער פאטער האָט איהם ניט געהייסען איבערזאָגען און איז צוגעטראָטען גלייך צו דער ביבעל.

סעריאזשא האָט גוט דערצעהלט דיא פּאַסירונגען גופא, אָבער ווען איהם איז אויסגעקומען צו ענטפערן אויף איניגע פראַגען, וואָס דיא דאָזיגע פּאַסירונגען האָבען בעדייט, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז שוין איין מאָל געווען בעשטראָפט פאַר ניט וויסען דאָס. בעזונדער

נאָך ווען ער האָט געדאַרפט ענטפערן וועגען דיא אבות פאַר'ן מבול. ער האָט קיינעם פון זיי ניט געקענט געדיינקען אויסער חנוך'ן, וועלכער איז לעבעדיגערהייט אַרויפגענומען געוואָרען אויפ'ן הימעל. חנוך'ן האָט ער ניט פאַרגעסען דערפאַר, ווייל פון אַלע נעמען פון דער ביבעל פאַר'ן מבול איז חנוך געווען זיין געליעבטעסטע פערזאָן; דיא געשיכטע פון חנוך'ס אַרויפגענומען ווערן אויפ'ן הימעל האָט זיך נאָך ביי סעריאָזשאַ'ן אין קאָפּ פערבונדען מיט אַ גאַנצע רייהע פון געדאַנקען, וועגען וועלכע ער האָט איצט געטראַכט קוקענדיג אויף דער קייטעלע פון דעם טאַטענס זייגער און אויף דעם האַלב־פערשפּילעטען קנעפּעל פון זיין וועסט.

אין טויט האָט סעריאָזשאַ לחלוטין ניט געגלויבט, הגם מען פלעגט צו איהם אָפט ריידען וועגען דעם. ער האָט ניט געגלויבט, אַז מענשען וועלכע מען ליעבט קאָנען שטאַרבען, און בעזונדער נאָך האָט ער ניט געגלויבט אַז ער אַליין וועט שטאַרבען. פאַר איהם איז דאָס געווען אונמעגליך און אונפערשטענדליך. אָבער מען האָט איהם געזאָגט, אַז אַלע וועלען שטאַרבען. אָבער חנוך איז דאָך ניט געשטאָרבען, הייסט דאָס, אַז ניט אַלע שטאַרבען. „פאַר וואָס־זשע זאָל דאָס יעדערער ניט קאָנען פערדינען ביי גאָט אַרויפגענומען צו ווערן אַ לעבעדיגער אויפ'ן הימעל?" האָט סעריאָזשאַ געטראַכט. דיא שלעכטע מענשען, דאָס הייסט דיא, וועלכע סעריאָזשאַ האָט פיינד, יענע האָבען זיך געקאָנט שטאַרבען, אָבער דיא גוטע קאָנען אַלע זיין וויא חנוך.

— נו, זאָג־זשע וועלכע אבות?

— חנוך, חנ...

— האָסט דוא דאָס דאָך שוין געזאָגט. שלעכט, סעריאָזשאַ, זעהר שלעכט. אויב דוא זוכסט ניט צו וויסען דאָס, וואָס פאַר אַ קריסט איז דאָס נויטיגסטע צו וויסען — האָט געזאָגט דער פאַטער, אויפהויבענדיג זיך פון פּלאַץ — וואָס־זשע ווילסט דוא יא וויסען? איך בין פון דיר זעהר אונצופריעדען, און דיין לעהרער פּעטער פּעטראָוויטש איז אויך פון דיר אונצופריעדען. איך וועל דיך מוזען בעשטראָפען.

ביידע, דער פאַטער און דער לעהרער זיינען געווען אונצופריעדען פון סעריאָזשאַן; ער האָט זיך ווירקליך שלעכט געלערנט. אָבער מען האָט בשום אופן ניט געקאָנט זאָגען, אַז ער איז ניט קיין פעהיגער אינגעל. פאַרקעהרט, ער איז געווען פיעל פעהיגער פון יענע אינגלעך, וועלכע דער לעהרער האָט איהם געשטעלט אַלס ביישפּיעל. לויט דעם פאַטערס שטאַנדפּונקט האָט ער ניט געוועלט לעהרנען דאָס וואָס מען האָט איהם געגעבען צו לעהרנען. אין אמת'ן אָבער האָט ער דאָס ניט געקאָנט לעהרנען, ווייל אין זיין נשמה זיינען געווען פאָדערונגען, וועלכע זיינען פאַר איהם געווען וויכטיגער אַלס דאָס וואָס דער פאָטער און דער לעהרער האָבען איהם ערקלעהרט.

ער איז אַלט געווען נייען יאָהר, ער איז נאָך געווען גאָר אַ קינד; אָבער זיין אייגענע נשמה האָט ער געקענט און זיא איז איהם געווען טהייער, ער האָט זיא אָבגעהיט, וויא דאָס ברעם היט אָב דיא אויג, און אָהן דעם שליסעל פון ליעבע האָט ער קיינעם ניט אַריינגעלאָזען צו זיך אין האַרצען. זיינע ערציהער האָבען זיך בעקלאָגט, אַז ער וויל זיך ניט לעהרנען, און אין אמת'ן האָט זיין נשמה געשמאַכטעט נאָך וויסען. און ער האָט זיך געלערנט פון דעם שווייצאַר קאַפּיטאַניטש,

פון דער ניאַניאַ, פון וואַסילי לוקיטש. נור ניט פון זיינע לעהרער. יענעם וואַסער, וועלכען זיין פאָטער און דער לעהרער האָבען ערוואַרט אויף זייערע רעדער, האָט זיך שוין לאַנג דורכגעריסען און געאַרבייט אין אַן אַנדער זייט.

דער פאָטער האָט סעריאָזשאַן בעשטראָפט דערמיט, וואָס ער האָט איהם פערבאָטען היינט צו געהן צו לידיאַ איוואַנאָוונאַס פּלימעניצע נאַדענקאַ. אָבער דיא דאָזיגע שטראָף איז אויסגעקומען אַ גליק פאַר סעריאָזשאַ'ן. וואַסילי לוקיטש איז געווען גוט אויפגעלייגט און האָט איהם געוויזען וויא צו מאַכען ווינד־מיהלען. דער גאַנצער אָבענד איז אַזוי אַריבער אין דער דאָזיגער אַרבייט און אין טרוימעריי, וויא מען קאָן מאַכען אַזאַ מיהל, אַז מען זאָל זיך אויף איהם קאָנען דרעהען: אָנ־כאַפּען זיך מיט דיא הענד אָן דיא פליגלען און דרעהען זיך מיט זיי. וועגען דער מו־טער האָט סעריאָזשאַ דעם גאַנצען אָבענד ניט געטראַכט; ווען ער האָט זיך אָבער געלייגט שלאָפען, האָט ער זיך פלוצלונג דערמאָנט וועגען איהר און האָט אין זיין אָבענד־געבעט בעזונדער געבעטען וועגען איהר מיט זיינע אייגענע ווערטער, אַז זיא זאָל מאָרגען, אין זיין געבורטסטאָג, אויפהערען צו זיין בעהאַלטען און זאָל צו איהם קומען.

— וואַסילי לוקיטש, ווייסט איהר וועגען וואָס איך האָב אַן איבעריגען מאָל תפילה געטאָהן?

— צו קאָנען גוט לערנען.

— ניין.

— קריגען שפּיעלצייג?

— ניין. איהר וועט ניט טרעפען. אַ טהייערע זאַך, אָבער דאָס איז אַ סוד! ווען דאָס וועט פערווירקליכט ווערען, וועל איך אייך זאָגען. טרעפט איהר?

— ניין, איך טרעף ניט. זאָגט מיר — האָט געשמייכעלט וואַסילי לוקיטש, וואָס מיט איהם פלעגט פּאַסירען זעהר זעלטען — נו, לייגט זיך, צייט צו שלאָפען, איך וועל פערלעשען דאָס ליכט.

— אָהן אַ ליכט זעה איך נאָך בעסער דאָס, וואָס איך זעה און וועגען וואָס איך האָב געאָט געבעטען. דערווייל האָב איך אייך שוין שיער ניט אויסגעזאָגט דעם סוד! — האָט זיך פרעהליך צולאַכט סעריאָזשאַ. ווען דאָס ליכט איז פאַר־לאָשען געוואָרען האָט סעריאָזשאַ געהערט און געפיהלט זיין מוטער. זיא איז גע־שטאַנען איבער איהם און האָט איהם געצערטעלט מיט איהר ליעבענדען בליק. אָבער עס זיינען ערשיענען דיא ווינד־מיהלען, דער מעסערל, אַלעס האָט זיך צומישט — און ער איז איינגעשלאָפען.

## 28.

ווען וראָנסקי מיט אננאַ'ן זיינען אָנגעקומען קיין פּעטערס־בורג, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אין איינעם פון דיא בעסטע האָטעלען. וראָנס־קי בעזונדער אין דעם אונטערשטען עטאַזש, און אננאַ אין דעם אויבערשטען עטאַזש

מיט'ן קינד, מיט דער אַהם און אַ דיענסטמיידעל, אין אַ וואָהנונג פון פיער ציי־מערען.

גלייך דעם ערשטען טאָג וויא ער איז געקומען צופאָהרען איז ווראָנסקי אוועק צו זיין ברודער. דאָרט האָט ער אויך געפונען זיין מוטער, וועלכע איז געקומען צופאָהרען צוליעב געשעפטס־אַנגעלעגענהייטען פון מאָסקווא. דיא מוטער און דיא שוועגערין האָבען איהם אויפגענומען וויא געוועהנליך; זיי האָבען זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט וועגען זיין ארומפאָהרען אין אויסלאנד, האָבען גערעדט וועגען אַלגעמיינע בעקאַנטע, האָבען אָבער קיין וואָרט ניט דערמאָהנט וועגען זיינע בעציהונגען צו אַננאַ. זיין ברודער אָבער האָט אויף מאָרגען בעזוכט איהם אין האָטעל און האָט אַליין אָנגעהויבען נאָכפרעגען זיך וועגען איהר, און אַלעקסיי ווראָנסקי האָט איהם געזאָגט גלייך, אַז ער קוקט אויף זיין פערבינדונג מיט קארענינא וויא אויף אַ הייראַטה, אז ער האָפט אויסצופיהרען אַ גט און וועט דאַן מיט איהר חתונה האבען, און ביז דאַן רעכענט ער איהר אַלץ איינס אַלס זיין פרוי, וויא יעדער אַנדערע פערהייראטהע פרוי ווערט גערעכענט פון איהר מאַן. ער האט איהם געבעטען אזוי טאַקע איבערצוגעבען דער מוטער און זיין פרוי.

— אויב דיא אויבערשטע געזעלשאפט אַנערקענט דאס ניט, בלייבט מיר גאַנץ גלייך — האָט געזאגט ווראַנסקי — נור אויב מיינע פערוואנדטע ווילען מיט מיר זיין אין פערוואַנדשאַפטליכע בעציהונגען, מוזען זיי אויך אַזוי פערהאַלטען זיך צו מיין פרוי !

דער עלטערער ברודער, וועלכער איז געווען געוועהנט איינצושטימען מיט די מיינונגען פון דעם יונגערן, האָט איצט ניט געוואוסט, צו איז דער ברודער גערעכט צו ניט, ביז וואנען דיא געזעלשאפט וועט ניט ענטשיידען די פראגע; ער אליין אָבער האָט גאַרנישט געהאט דאגעגען און איז צוזאמען מיט אַלעקסייען ארויף בעזוכען אננא'ן. אין דעם ברודער'ס אַנוועזענהייט האָט ווראנסקי צו אננא'ן גע־רעדט „איהר", ווי ער פלעגט געוועהנליך טאָהן פאַר בעקאַנטע, און ער האָט זיך צו איהר בענומען וויא צו אַ זעהר נאָהענטער בעקאַנטער. אָבער עס איז געווען פער־שטאַנען ממילא, אז דער ברודער וויים פון זייערע בעציעהונגען און מען האט גערעדט וועגען דעם, אז אננא פאָהרט איצט בעזעצען זיך מיט ווראַנסקי'ן אויף זיינע גיטער צו לאַנד.

ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנצער געזעלשאפטליכער געניטקייט האָט ווראַנ־סקי געלעבט שטאַרק אין טעות. ער האט דוכט זיך געדארפט פארשטעהן, אז די געזעלשאפט איז שוין געשלאָסען פאר איהם מיט אננא'ן; אָבער ביי איהם אין קאָפּ זיינען ענטשטאַנען עפּעס אַזעלכע אונקלאָהרע געדאַנקען, אַז אַזעלכע מיי־נונגען האָבען מענשען געהאַט אין דיא אַמאָליגע אַלטפרענקישע יאָהרען, אָבער ניט איצט, אין צייט פון פּראָגרעס (ער איז אונבעמערקט געוואָרען אַן אַנהענגער פון יעדען פּראָגרעס) איצט האָבען זיך דיא אנשויאונגען פון דער געזעלשאפט גע־ענדערט. „געוויס — האָט ער געטראַכט — אין הויף־קרייזען וועט מען זיא ניט אויפנעהמען, אָבער מענשען נאָהענטע קענען און דארפען דאָך פארשטעהען דיא זאַך וויא געהעריג איז."

אַ מענש קען זיצען עטליכע שטונדען מיט דיא פיס אונטערגעבויגען אין

# אננא קארעני נא

איינער און דערזעלבער לאגע, ווען ער ווייס אז קיין זאך וועט איהם ניט שטערען ווען ער וויל בייטען זיין לאגע, ווען א מענש ווייס אבער אז ער מוז זיצען אזוי מיט אונטערגעבויגטע פיס, וועלען זיך מיט איהם אנהויבען קאנוואולסען, דיא פיס וועלען זיך צוקען און וועלען זיך דריקען אלץ צו יענעם פלאץ, וואוהין ער וואלט וועלען זיי אויסציהען. דאס זעלביגע האט געפיהלט וורא‍נסקי בנוגע דער געזעלשאפט. אבוואהל ער האט טיעף ביי זיך אין הארצען געוואוסט, אז דער אריינגאנג אין געזעלשאפט איז פאר זיי פערשלאסען, הגט ער פונדעסטוועגען פראבירט, צו האבען זיך ניט געענדערט דיא מיינונגען פון דער געזעלשאפט און פיעללייכט וועט מען זיי יא אויפנעהמען. ער האט אבער באלד ערפאהרען, אז הגם פאר איהם אליין איז די געזעלשאפט געווען אפען, איז זיא אבער פאר אננא'ן געווען געשלאסען. וויא אין קאטץ־און־מויז שפיעל, האבען דיא הענד וואס האבען זיך אויפגעהויבען פאר איהם, אראבגעלאזען פאר אננא'ן.

איינע פון דיא ערשטע דאמען פון דער פעטערסבורגער געזעלשאפט איז געווען וורא‍נסקי'ס קוזינע בעטסי.

— ענדליך! — האט זיא פרעהליך אויסגעשריען, בעגעגענענדיג איהם— און אננא וואו איז? וויא איך בין גערן דיך צו זעהען! וואוהין זייט איהר פאר־פאהרען? איך שטעל זיך פאר, ווי שרעקליך פאר אייךביידען דארף אויסזעהען פעטערסבורג נאך אזא פרעכטיגער רייזע; איך שטעל זיך פאר אייער האניג־מאנאט אין רוים. און וויא האלט דאס מיט'ן גט? איז שוין אלעס פארטיג?

ווראנסקי האט בעמערקט, אז בעטסיס ענטציקונג איז שוואכער געווארען, ווען זיא האט זיך ערקונדיגט, אז קיין גט איז נאך ניט אויסגעווירקט געווארען.

— איך ווייס, אז מען וועט אין מיר ווארפען מיט א שטיין — האט זיא געזאגט — אבער איך וועל דערויף ניט קוקען און איך וועל פאהרען בעזוכען אננא'ן; יא, איך וועל זיכער קומען. וועט איהר דא לאנג פארברענגען אין פעטערס־בורג?

און זיא איז ווירקליך נאך דעמזעלבען טאג געקומען בעזוכען אננא'ן אבער איהר טאן איז שוין גאר ניט געווען דערזעלביגער, וויא פריהער. זיא האט עפעס בעזונדער שטאלצירט מיט איהר קוראזש, וואס זיא האט געוואגט צו קומען, און האט געוואלט אז אננא זאל אבשעצען איהר טרייהייט און איהר פריינדשאפט. זיא איז געזעסען ניט מעהר וויא א מינוט צעהען, האט גערעדט וועגען געזעל־שאפטליכע נייעס, און ווען זיא האט שוין געדארפט ארויס, האט זיא א זאג גע־טאהן:

— און איהר האט מיר גארניט געזאגט, ווען עריארט איהר שוין צו האבען דעם גט? לאמיר זאגען, אז מיר מאכט ניט אויס, אבער אנדערע וועלען קו־קען אנדערש ביז וואנען, איהר וועט ביידע ניט חתונה האבען. און דאס קען דאך איצט געטאהן ווערען אזוי איינפאך. הייסט דאס, אז פרייטאג פאהרט איהר שוין אב? שאדע, וואס מיר וועלען זיך מעהר ניט זעהען.

ווראנסקי האט אלזא פון בעטסיס טאן שוין דוכט זיך געקענט פארשטעהן וואס ער האט צו ערווארטען פון דער געזעלשאפט; ער האט אבער געמאכט נאך א פערזוך אין זיין אייגענער פאמיליע. אויף זיין מוטער האט ער קיין האפנונג ניט

געהאט. ער האט געוואוסט, אז זיין מוטער, וועלכע איז אזוי געוועזען ענטציקט פון אַננאַ'ן אין דער צייט פון זייער ערשטער בעקאַנטשאַפט, האָט איצט איהר ניט געקענט פערצייהען פאַרוואס זיא איז געוועזען דיא אורזאכע, וואס האָט צושטערט איהר זוהן'ס קאריערע. ער האט אָבער געלעגט גרויס האָפנונג אויף זיין ברודער'ס פרוי, אויף וואַריאַן. איהם האט זיך געדוכט, אז זיא וועט ניט וואַרפען קיין שטיין און וועט איינפאך און אָהן קונצען פאָהרען בעזוכען אַננאַ'ן און וועט זיא אויך אויפנעהמען ביי זיך אין הויז.

אויף מאָרגען נאָך זיין אנקונפט איז ווראנסקי אריבערגעפאהרען צו איהר, ווען זיא איז געוועזען אליין אין הויז און ער האָט איהר גלייך ארויסגעזאגט זיין וואונש. זיא האט יהם אויסגעהערט און געענטפערט:

— ווייכט דאָך, אלעקסעי, אז איך ליעב דיך און בין פערטיג אלעס צו טהון פון דיינעטוועגען; אָבער איך האב געשוויגען, ווייל איך האב געוואוסט, אז איך קען פאר דיר און פאר אַננא ארקאַדיעוונא ווייניג נוצען בריינגען — האָט זיא געזאגט בעזאָנדערנס עפעס ארויסריידענדיג „אַננא ארקאַדיעוונא“ — דו ניט מיין, אז איך פערארורטהייל איין שטרענג. קיין מאָהל ניט; עס קען זיין, אז איך אויף איהר פּלאַץ וואָלט אויך אַנדערש ניט געהאנדעלט. איך געה ניט אריין און קען ניט אריינגעהן אין איינצעלהייטען. אָבער מען דארף דאָך אָנרופען זאכען מיט זייערע נעמען. דו ווילסט, אז איך זאָל פאָהרען זיא בעזוכען, זאָל זיא אויפנעהמען ביי זיך אין הויז כדי דערמיט צו רעאַביליטירען זיא אין דער געזעלשאַפט; אָבער פאַרשטעה דאָך, אז איך ק אָ ן ד אָ ס נ י ט ט אָ ה ן. איך האָדעווע טעכטער, און איך דארף לעבען אין געזעלשאַפט פון מיין מאַנס וועגען. נו, לאָמיר זאָגען איך וועל בעזוכען אננא ארקאַדיעוונא; זיא וועט דאָך אָבער פארשטעהען, אז איינלאַדען זיא צו זיך קאָן איך ניט אָדער איך מוז דאָס טאָהן אזוי, אז זיא זאָל דאָ ניט בעגעגענען יענע, וועלכע קוקען אנדערש אויף דער זאך; און דאָס וועט דאָך זיא בעליידיגען. איך קאָן זיא ניט אויפהויבען....

— יא, אָבער איך רעכען ניט, אז זיא איז געזונקענער פון דיא הונדערטע פרויען, וועלכע איהר גענומט אויף אין אייער געזעלשאַפט! — האָט זיא זעהר טרויעריג איבערגעשלאָגען ווראנסקי און האָט זיך שווייגענדיג אויפגעהויבען, פאַרשטעהענדיג, אז זיין שוועגערינס בעשלוס איז ניט צו ענדערען.

— אלעקסיי! זיי אויף מיר ניט אין כעס. איך בעט דיך, פארשטעה דאָך, אז ניט איך בין שולדיג — האָט אָנגעהויבען וואריא, קוקענדיג אויף איהם מיט א געלאָסענעם בליק.

— ניין, איך בין אויף דיר ניט אין כעס — האָט ער געזאָגט מיט דערזעלבער טרויעריגער שטימע — נור מיר טהוט דאָס דאָפּעל וועה. מיך פארדריסט נאָך דערצו דאָס, וואָס דאָס צורייסט אונזער פריינדשאַפט, לאָמיר זאָגען, אז צורייסען צורייסט דאָס ניט, אָבער שוואַכט אָב אונזער פריינדשאַפט. דוא פארשטעהסט דאָך, אז פאר מיר קאָן דאָס אנדערש ניט זיין.

און דערמיט איז ער אוועק פון איהר.

ווראנסקי האָט פערשטאַנען, אז פּרובירען ווייטער איז אן אומזיסטע מיה און אז דיא עטליכע טעג וואָס זיי וועלען בלייבען אין פּעטערסבורג וועלען פאר זיי

זיין אַלץ איינס וויא זיי וואָלטען דאָס געוועזען אין א פרעמדער שטאָדט. איינע פון דיא הויפּט אונאַנגענעהמליכקייטען פון זיין לאַגע אין פּעטערסבורג איז געוועזען דאָס, וואָס אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש און זיין נאָמען האָבען געשיינט צו זיין אומעטום. וואו ער זאָל ניט זיין, האָט מען ניט געקאָנט אָנהויבען ריידען וועגען קיין זאַך, און עס זאָל זיך ניט אַ קעהר טאָהן דער שמועס אויף עפּעס וועגען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשען; מען קאָן ערגעץ ניט פאָהרען, וואו מען זאָל איהם ניט בעגעגענען. אזוי וויינינגסטענס האָט עס אויסגעוויזען ווראָנסקין, וויא א מענשען מיט אַ קראַנקען פינגער דוכט זיך, אז עפּעס וויא אויף צו להכעיס שטויסט ער זיך אויף אַלעס אָן מיט זיין קראַנקען פינגער.

דאָס פערברייניגען אין פּעטערסבורג איז פאר ווראָנסקין געוועזען נאָך בעזונדער שווער דערפאַר, וואָס דיא גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען דאָרטען געוועזען, האָט ער געמערקט אין אננאַן עפּעס א נייע שטימונג, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן. ווייל־עוויין איז זיא געוועזען קאַלט, אויפגערעגט און אונפערשטענדליך. זיא איז געוועזען געמאַטערט פון עפּעס און האָט דאָס פון איהם בעהאַלטען, וויא זיא וואָלט גאָר ניט באַמערקען יענע בעליידיגונגען, וועלכע האָבען פערגיפטעט זיין לעבען און וועלכע האָבען פאַר איהר מיט איהרע איידעלע געפיהלען און עמפּפינדליכקייט געדאַרפט זיין נאָך א גרעסערע פייניגונג.

## 29.

איינער פון דיא צוועקען, צוליעב וועלכע אננא איז געפאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד, איז געוועזען דער וואונש צו זעהען איהר זוהן. פון יענעם טאָג אָן וואָס זיא האָט פערלאָזען איטאַליען, האָט דער דאָזיגער געדאַנק ניט אויפגעהערט צו בעאונרוהיגען זיא.

זיא האָט זיך ניט געשטעלט דיא פראַגע, וויא עס קאָן אויסגעפיהרט ווערן איהר זעהען זיך מיט'ן זוהן. איהר האָט אויסגעוויזען אזוי נאַטירליך און איינפאַך צו זעהען איהר זוהן, ווען זיא וועט זיין מיט איהם אין איין שטאָדט, אז זיא האָט ניט געטראַכט וועגען דער אונמעגליכקייט; אָבער ווען זיא איז אָנגעקומען קיין פּעטערסבורג האָט זיך איהר ערשט קלאָהר פאָרגעשטעלט איהר איצטיגע לאַגע אין דער געזעלשאַפט און זיא האָט פערשטאַנען אז אויספיהרען איהר וואונש וועט זיין א שווערע זאַך.

שוין צוויי טעג וויא זיא איז אין פּעטערסבורג. דיא געדאַנקען וועגען זוהן האָבען זיא אויף קיין איין מינוט ניט אָבגעלאָזען, אָבער זיא האָט איהם נאָך ניט געזעהען. זיא האָט געפיהלט, אַז פאָהרען איינפאַך בעזוכען דאָס הויז, וואו זיא קאָן בעגעגענען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטשען האָט זיא קיין רעכט ניט. מען האָט אויך געקאָנט גאָר ניט אריינלאָזען זיא און נאָך בעליידיגען. שרייבען דעם מאַן און אָנהויבען מיט איהם וועלכע ניט איז בעציהונגען — וועגען אַזא זאַך

# אננא קארענינא

איז פאר איהר געווען א פייניגונג אפילו בלויז צו טראכטען. זיא האט געקאנט רוהיג זיין בלויז דאן, ווען זיא האט וועגען איהר מאן ניט געטראכט. זעהען דעם זוהן ווען ער געהט שפאצירען, דאס איז פאר איהר געווען צו ווייניג: זיא דארף איהם אזוי פיעל צו זאגען, איהר ווילט זיך אזוי איהם ארומנעהמען און פרעסען צו זיך, קושען איהם. אין הויז וואלט סעריאזשאס אלטע ניאניא איהר געקאנט דעריין בעהילפיג זיין. אבער דיא אלטע ניאניא איז שוין דאך גאר ניט אין אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס הויז. אין אזעלכע שוואנקונגען און זוכנעס צו געפינען דיא אלטע ניאניא זיינען אוועק דיא ערשטע צוויי טעג.

דערוויסענדיג זיך וועגען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשעס בעציהונגען צו גרעפין לידיא איוואנאוונא, האט אננא אויף דעם דריטען טאג צו איהר געשריבען, און דאס שרייבען צו איהר האט איהר געקאסט פיעל געזונד; אין דעם בריעף האט זיא מיט א כיון דערמאהנט אז דיא ערלויבניס צו זעהען איהר זוהן הענגט אב פון איהר מאנס גרויסמוטהיגקייט. זיא האט געוואוסט, אז ווען מען וועט דעם דאזיגען בריעף ווייזען איהר מאן, וועט ער פארזעצען זיין גרויסמוטהיגע ראללע און וועט איהר ניט ענטזאגען.

דער שליח, מיט וועלכען זיא האט געשיקט דעם בריעף האט איהר געבראכט דעם הארטהערציגסטען און אזא אונערווארטען ענטפער, אז קיין ענטפער וועט אויף דעם בריעף ניט זיין. זיא האט זיך נאך קיין מאהל ניט געפיהלט אזוי בעליידיגט, אזוי ערנידריגט, וויא אין דער מינוט ווען זיא האט געהערט פון דעם שליח, וויא ער האט געווארט, געווארט און וויא ענדליך האט מען איהם געזאגט: קיין ענטפער וועט ניט זיין. אננא האט זיך דערפיהלט ערנידעריגט, בעליידיגט, אבער זיא האט געזעהען, אז פון איהר שטאנדפונקט איז גרעפין לידיא איוואנאוונא גערעכט.

איהר אונגליק דעריין איז נאך געווען גרעסער דערפון, וואס זיא איז דעריין געווען אן עלענדע. זיא האט ניט געקאנט און האט ניט געוואלט טהיילען דיא דאזיגע יסורים מיט איהרע ווראנסקין, זיא האט געוואוסט, אז פאר איהם וועט דיא פראגע פון איהר זעהען זיך מיט׳ן זוהן אויסווייזען זיך ניט פאר אזא בעזונדער וויכטיגע זאך. זיא האט געוואוסט, אז ער וועט קיין מאהל ניט אים שטאנד זיין צו בעגרייפען דיא גאנצע טיעפקייט פון איהרע יסורים; זיא האט געוואוסט, אז פאר א קאלטען טאן, וועלכען ער קאן געברויכען ריידענדיג וועגען איהר וואונש צו זעהען זיך מיט איהר זוהן, קאן זיא איהם אנהויבען צו האסען. און זיא האט דערפאר מורא געהאט מעהר וויא פאר אלע אנדערע אין דער וועלט און זיא האט דארום בעהאלטען פון איהם אלעס וואס אנבעלאנגט איהר זוהן.

זיא איז אבגעזעסען אין הויז א גאנצען טאג און האט צוגעטראכט אלערליי מיטלען וויא אויסצופיהרען איהר הייסען וואונש און איז ענדליך געבליבען ביי דעם בעשלוס, אז זיא וועט שרייבען א בריעף צו איהר מאן. זיא האט שוין פערפאסט דעם בריעף וויא מען האט איהר געבראכט דעם בריעף פון לידיא איוואנאוונא. און אלעס דאס וואס זיא האט אין דעם דאזיגען בריעף צווישען דיא שורות געפונען, האט זיא אזוי אויפגעבראכט, אז זיא איז געווארען עמפעהרט געגען דיא אנדערע און האט שוין אויפגעהערט צו בעשולדיגען זיך.

„דיא דאזיגע קאלטבלוטיגקייט — כלומר'שטע געפיהלען ! — האט זיא גערעדט צו זיך אליין — זיי דארפען בלויז מיך נאך מעהר ערנידעריגען, נאך טיעפער בעליידיגען און פייניגען מיין קינד. און איך וועל זיך זיי אונטערגעבען ? קיין מאהל אין דער וועלט ניט ! זיא איז ערגער פאר מיר. אם וויינינגסטען זאג איך קיין ליגען ניט.“ און זיא האט גלייך אויפ'ן פלאטץ בעשלאסען, אז מארגען, אקוראט אין סעריאזשאס געבורטס־טאג, וועט זיא פאהרען גלייך צו דעם מאנס הויז, וועט אונטערקויפען דיא דינערשאפט, וועט אבנארען, אבער עס מעג זיך זיין וואס עס וויל, זיא מוז זעהען איהר זוהן און זיא וועט פערניכטען דיא גאנצע שענדליכע נארעריי, אין וועלכער מען האלט איהר אונגליקליכען קינד.

זיא איז אוועק אין א שפיעלצייג מאגאזין, האט אנגעקויפט פערשיעדענע שפיעלווערק און האט אויסגעארבייט א פלאן וויא זיא זאל טאהן. זיא וועט קומען צום הויז א זייגער 8 אין דער פריה, ווען אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש איז נאך ניט אויפגעשטאנען. זיא וועט האלטען אין האנד געלד, וועלכע זיא וועט געבען דעם שווייצאר, דעם לאקיי, זיי זאלען זיא אריינלאזען אין הויז און ניט אויפדע־קענדיג איהר שלייער וועט זיא זיי זאגען, אז זיא איז דאס געשיקט געווארען פון סעריאזשאס טויפ־פאטער צו גראטולירען איהם צו זיין געבורטסטאג און אוועק־צושטעלען לעבען זיין בעטעל מתנות, שפיעלצייג. זיא האט בלויז ניט אנגעגרייט יענע ווערטער, וועלכע זיא וועט זאגען דעם זוהן, וויפיעל זיא האט וועגען דעם ניט געטראכט האט זיא ניט געקאנט אויסקלעהרען וואס זיא וועט זאגען.

אויף מארגען פאר 8 אוהר האט אננא געדונגען א קארעטע און אום 8 איז זיא שוין געוועזען ביים פאראדנעם צופאהר און האט אנגעקלונגען אין איהר געוועזענעם הויז.

— געה, גיב א קוק, וואס זיא דארף. עפעס א דאמע — האט געזאגט קאפיטאניטש, וועלכער איז געוועזען נאך ניט אנגעטהאן און איז צוגעגאנגען אין מאנטעל און קאלאשען צום פענסטער ; ער האט דערזעהען א פערשלייערטע דאמע לעבען טהיר. דער הילפס־שווייצאר, א יונגער קערל, וועלכער איז אננאן געוועזען אונבעקאנט, האט פאר איהר געעפענט דיא טהיר און זיא איז גלייך אהן שהיות אריינגעגאנגען, האט ארויסגענומען פון איהר מופע א ז'ריי־רובעלדיגע און האט איהם אריינגערוקט אין האנד.

— סעריאזשא... סערגיי אלעקסיעוויטש — האט זיא ארויסגערעדט און איז געגאנגען פארווערטס. דער יונגער הילפס־שווייצאר האט בעקוקט דיא דריי־רובעלדיגע און האט דיא דאמע דעריאגט ביי דער צווייטער גלעזערנער טהיר און האט זיא אבגעשטעלט.

— וועמען דארפט איהר ? — האט ער א פרעג געטאהן.

זיא האט ניט געהערט זיינע ווערטער און האט ניט געענטפערט.

קאפיטאניטש אליין איז צוגעגאנגען און זעהענדיג אז דיא אונבעקאנטע דאמע איז עפעס אין פערלעגענהייט, האט ער פאר איהר געעפענט דיא גלעזערנע טהיר און האט א פרעג געטאהן וואס זיא פערלאנגט.

— פון פירסט סטאראדומאוו צו סערגיי אלעקסעיעוויטש — האט זיא ארויסגערעדט.

# אננא קארענינא

— זיי שלאָפען נאָך — האָט געזאָגט דער שווייצאַר צוקוקענדיג זיך צו איהר אויפמערקזאַם.

אננא האָט גאָר ניט ערוואַרט, אַז דער צושטאַנד פון הויז, וואו זיא האָט געוואָהנט נייען יאָהר און וועלכען זיא האָט געפונען איצט אונגעענדערט זאָל אויף איהר אַזוי ווירקען. פרעהליכע און פייניגענדע עראינערונגען האָבען זיך ערוועקט איצט אין איהר האַרצען איינע נאָך דיא אַנדערע און אויף אַן אויגענבליק האָט זיא פאַרגעסען צוליעב וואָס זיא איז אַהער געקומען.

— ווען איה' זיך בעמיהען צו וואַרטען? — האָט געפרעגט קאַפיטאַניטש אַראָבציהענדיג איהר פוטער־מאַנטעל.

און אַראָבציהענדיג איהר פוטער־מאַנטעל האָט ער זיך נעהנטער צוגעקוקט צו איהר פנים, האָט זיא דערקענט און האָט זיך נידריג פערנייגט.

— ביטטע, עקסעלענץ — האָט ער איהר געזאָגט.

זיא האָט עפּעס געוועלט זאָגען, אָבער איהר שטימע האָט איהר ענטזאַגט און זיא האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידען. מיט אַ געבעט פון אַ שולדיגער האָט זיא אַ קוק געטאָהן אויף דעם אַלטען דינער און איז מיט שנעלע, לייכטע טריט אַרויף אויף דיא טרעפּ. קאַפּיטאַניטש איז געלאָפען נאָך איהר, זוכענדיג אי־בערצויאָגען זיא.

— דער לעהרער איז דאָרט, עס קאָן זיין אַז ער איז נאָך ניט אָנגעטאָהן. איך וועל פריהער מעלדען.

אננא האָט ניט געהערט און איז געגאַנגען שנעל ווייטער אויף דיא בע־קאַנטע טרעפּ, ניט פאַרשטעהענדיג וואָס דער אַלטער רעדט צו איהר.

— אַהער, אַהער, לינקס, זייט אַזוי גוט. ענטשולדיגט, וואָס דאָ איז ניט ריין. ערלויבט נור, איין וויילינקע, — איז איהר קאַפּיטאַניטש פערגאַנגען דעם וועג אָטהעמענדיג שווער — איין וויילינקע, עקסעלענץ, איך וועל בלויז אַ קוק טאָהן — האָט ער געזאָגט; האָט זיא איבערגעיאָגט, האָט אַן עפען געטאָהן דיא הויכע טיהר און איז פערשוואונדען הינטער איהר. אננא איז געבליבען שטעהן וואַרטענדיג. דער שווייצאַר איז באַלד ערשיענען פון טהיר און האָט אַ זאָג געטאָהן:

— זיי האָבען זיך נור וואָס אויפגעכאַפּט.

אין דער מינוט וויא דער שווייצאַר האָט דאָס געזאָגט, האָט אננא דערהערט אַ קינדערשעס געניצען. פון דער שטימע פון דעם דאָזיגען געניץ האָט זיא דער־קענט דעם זוהן און האָט איהם שוין וויא אַ לעבעדיגען דערזעהען פאַר זיך.

— לאָז, לאָז, געה! — האָט זיא געזאָגט דעם שווייצאַר און איז אַריינגע־לאָפען אין דער הויכער טהיר. צו דער רעכטער זייט פון טהיר איז געשטאַנען דיא בעט און אויפ'ן בעט איז געזעסען, נור וואָס אויפהויבענדיג זיך פון שלאָף, אַ אינגעלע מיט אַ צושפּילעטען העמדעל און אויסבויגענדיג מיט זיין קערפּעריל האָט ער זיך אַ ציה געטאָהן און געענדיגט געניצען. אין דער מינוט וויא זיינע ליפּען זיינען זיך צונויפגעקומען אין איינעם, האָט ער זיך אַראָבגעלאָזען צוריק מיט אַ זיסען שלאָפענדיגען שמייכעל.

— סעריאָזשאַ! — האָט זיא אַ מורמעל געטאָהן, צוגעהענדיג צו איהם אונגעהערט.

אין דער צייט וואָס זיא איז געוועזען געשיידט פון איהם און איבער דעם

# אננא קארענינא

אונגעהוירען צופלוס פון ליעבע, וואס זיא האט געפיהלט פאר דער גאנצער לעצטער צייט, האט זיא איהם זיך אליין פארגעשטעלט וויא ער האט אויסגעזעהען ווען ער איז געווען א פיער־יאהריגעס קינד, ווען זיא האט איהם אם מיעהרסטען געליעבט. און איצט האט זיא איהם דערזעהען אפילו ניט אזא וויא ער איז געווען ווען זיא האט איהם פערלאזען. ער איז אזוי אויסגעוואקסען פאר דער צייט, און איז אזוי מאגער געווארען. וואס איז דאס! וויא מאגער זיין פנים איז, וויא קורץ־געשוירען זיינע האאר! וויא לאנג עס זיינען געווארען זיינע הענד! וויא געענדערט ער האט זיך זינט דער צייט, וואס זיא האט איהם פערלאזען! אבער דאס איז געווען ער, דיא פארם פון זיין קאפ, זיינע ליפען, זיין ווייכעס העלזעל און ברייטע פלייצקעס.

— סעריאזשא! — האט זיא ווידערהאלט איבערן סאמע אויער פון קינד.

ער האט זיך ווידער אויפגעהויבען אויף'ן עלענבויגען, האט א ציה געטאהן דעם צומישטען קאפ איןביידע זייטען, וויא ער וואלט עפעס געזוכט, און האט געעפענט דיא אויגען. שטיל און פראגליך האט ער געקוקט עטליכע סעקונדען אויף דער מוטער, וואס איז געשטאנען לעבען איהם אונבעוועגליך, דערנאך האט ער ליעבליך א שמייכעל געטאהן, האט ווידער פערמאכט דיא פערשלאפענע אויג־לעך און האט זיך א ווארף געטאהן, אבער ניט אויף צוריק אין בעט, נור צו איהר, צו איהרע הענד.

— סעריאזשא! ליעבער אינגעלע מיינער! — האט זיא ארויסגערעדט מיט א פערכאפטען אטהעם, אומארמענדיג מיט ביידע הענד זיין ווייכען קערפער.

— מאמא! — האט ער געזאגט, בעוועגענדיג זיך אונטער איהרע הענד, אז ער זאל מיט פערשיעדענע טהיילען פון קערפער ריהרען איהרע הענד.

שמייכלענדיג פערשלאפענערהייט, נאך אליין מיט פערמאכטע אויגען, האט ער אנגעכאפט זיך מיט זיינע ווייכע הענדלעך פאר איהרע אקסלען, האט זיך צו־געווארפען צו איהר, ווירקענדיג אויף איהר מיט יענעם ליעבליכען שלאפיגען גע־רויך און ווארעמקייט, וועלכען בלויז קינדער פארמעגען, און ער האט זיך אנגע־הויבען רייבען מיט'ן פנים אין איהר האלז און שולטערן.

— איך האב געוואוסט — האט ער געזאגט צועפענענדיג דיא אויגען — היינט איז מיין געבורטסטאג. איך האב געוואוסט, אז דוא וועסט קומען. איך וועל גלייך אויפשטעהן.

און זאגענדיג דאס, איז ער איינגעשלאפען.

אננא האט איהם זשעדנע בעקוקט; זיא האט געזעהען וויא ער איז אויס־געוואקסען און האט זיך געענדערט אין איהר אבוועזענהייט. זיא האט איהם ארומ־גענומען און האט נאר ניט געקאנט ריידען. טרעהרען האבען זיא געשטיקט.

— פאר וואס וויינסט דוא, מאמא? — האט ער געפרעגט, שוין אויפכאפ־ענדיג זיך אין גאנצען פון שלאף — מאמא, פאר וואס וויינסט דוא? — האט ער אנגעהויבען שרייען מיט א וויינענדיגער שטימע.

— איך וועל ניט וויינען... איך וויין פון פרייד. אזוי לאנג וויא איך האב דיך ניט געזעהען. איך וועל ניט, איך וועל ניט — האט זיא געזאגט שלינגענדיג דיא טרעהרען און אבקעהרענדיג זיך — נו, דיר איז שוין צייט אנצוטאהן זיך — האט זיא געזאגט ניט ארויסלאזענדיג זיינע הענד.

זיא האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען זיין בעטעל אויף דעם שטוהל, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען זיינע זאַכען.

— וויא טהוסט דוא זיך אָן אָהן מיר? וויא... — האָט זיא געוועלט אָנ־הויבען איינפאַך און פרעהליך, אָבער זיא האָט ניט געקאָנט און האָט זיך ווידער אָבגעקעהרט.

— איך וואַש זיך ניט מיט קאַלטען וואַסער: דער פּאַפּאַ האָט ניט גע־הייסען. און וואַסילי לוקיטשען האָסט דוא ניט געזעהען? ער וועט באַלד קומען אהער. דוא האָסט זיך דאָך אוועקגעזעצט אויף מיינע קליידער!

און סעריאָזשאַ האָט זיך צולאַכט. זיא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן און האָט געשמייכעלט.

— מאַמאַ, ליעבינקע, נשמה'לע מיינס! — האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען, וואַרפענדיג זיך ווידער צו איהר און ארומנעהמענדיג זיא. וויא ערשט איצט דערזעהענדיג איהר שמייכעל וואָלט ער קלאָהר דערזעהען וואָס דאָ האָט פּאַסירט — דאָס דאַרף מען ניט — האָט ער געזאָגט, אַראָבנעהמענדיג איהר הוט. און אזוי וויא ערשט איצט, אָהן הוט, וואָלט ער זיא דערקענען, האָט ער זיך ווידער א וואָרף געטהאָן קושען זיא.

— אָבער וואָס האָסט דו געטראַכט וועגען מיר? האָסט דוא ניט גע־מיינט, אז איך בין געשטאָרבען?

— איך האָב קיין מאָל ניט געגלויבט.

— האָסט ניט געגלויבט, מיין פריינד?

— איך האָב געוואוסט, האָב געוואוסט! — האָט ער ווידערהאָלט זיין ליעבלינגס־פראַזע, און א כאַפּ טהאָנדיג איהר האַנד, וועלכע האָט געלאַשצעט זיי־נע האָאר, און דריקענדיג זיא מיט דער לאַדאָניע צו זיין מויל האָט ער זיא נאָכ־אנאַנד געקושט.

## 30.

וואַסילי לוקיטש האָט אָנפאַנגס ניט פערשטאַנען, ווער דאָס איז פאַר א דאַמע, און ווען ער האָט זיך פון דעם געשפּרעך דערוואוסט, אז דאָס איז געוועזען יענע זעלבינגע מוטער, וואָס האָט אוועקגעוואָרפען איהר מאַן און וועלכע ער האָט ניט געקענט, ווייל ער איז אָנגעקומען, ווען זיא איז שוין אוועק, האָט ער ניט געוואוסט וויא ער זאָל טהון: זאָל ער אריין אין צימער אָדער ניט, אָדער ער דאַרף פּיעלייכט דאָס מעלדען אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטשען. באַרעכענענדיג ענדליך, אז זיין פּפליכט בעשטעהט אין אויפוועקען סעריאָזשאַן אין א בעשטימ־טער שטונדע, און אז דאַרום איז ניט זיין זאַך, ווער עס זיצט דאָרט ביי סער־יאָזשאַ'ן אין צימער, דיא מוטער אָדער עמיצער אַן אַנדערער, ער דאַרף ערפילען זיין פּפליכט, האָט ער זיך אָנגעטהאָן, איז צוגעגאַנגען צו דער טיהר און האָט זיא געעפענט.

אָבער דיא צערטליכקייט פון מוטער און זוהן, דיא קלאַנגען פון זייערע שטימען און דאָס וואָס זיי האָבען גערעדט — דאָס אַלעס האָט איהם געצוואונגען צו ענדערן זיין בעשלוס. „איך וועל וואַרטען נאָך א מינוט,“ האָט ער זיך געזאָגט און האָט צוריק פערמאַכט דיא טיהר, האָט זיך אָבגעהוסט און אָבגעווישט טרעהרען פון דיא אויגען.

דערווייל איז אין הויז צווישען דער דיענערשאַפט אָנגעגאַנגען א טומעל איבער דאָס געשעהענע. אַלע האָבען זיך דערוואוסט, אז דיא מאַדאַם איז געקומען צופאָהרען און אז זיא איז איצט אין קינדער־צימער, און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש שטעהט אימער אויף נייען א זייגער און געהט גלייך מאַכען א בעזוך אין קינדער־צימער. און אַלע האָבען פערשטאַנען, אז אַזאַ בעגעגעניש איז אונמעגליך און מען טאָר ניט דערלאָזען, אַז עס זאָל קומען דערצו. דער קאַמערדיענער קאָרניי איז אראָבגעגאַנגען אין שווייצאַרען־צימער און האָט א פרעג געטהאָן ווער האָט זיא אריינגעלאָזען און וויא אזוי. ווען ער האָט אויסגעפונען אז קאַפּיטאָניטש האָט זיא אויפגענומען און האָט זיא בעגלייט צום קינדער־צימער, האָט ער אָנגעהויבען אויסצורייידען דעם אַלטען. דער שווייצאַר האָט האַרטנעקיג געשוויגען, נור ווען קאָרניי האָט איהם געזאָגט, אז פאַר אַזאַ זאַך איז ער ווערטה, מען זאָל איהם ארויסטרייבען פון הויז, איז קאַפּיטאָניטש צו איהם צוגעשפרונגען און פאָכענדיג מיט דיא הענד איהם אין כאַמע פנים, האָט ער א זאָג געטהאָן:

— יא, דו וואָלסט ניט אריינגעלאָזען! צעהן יאָהר געדיענט און אויסער גוטסקייט קיין מאָהל פון איהר ניט געזעהען; יא, דוא וואָלסט געהן איצט און זאָגען איהר: זייט אזוי גוט און ארויס פון דאַנען! א, דוא פערשטעהסט שוין פּאָליטיקע גאַנץ גוט! אזוי, יא! אָבער דוא וואָלסט בעסער ניט פערגעסען וועגען זיך, וויא דוא קלייבסט ארום דעם פריץ און טראָגסט רייכע פוטערלעך!

— סאָלדאַט! — האָט מיט פעראַכטונג א זאָג געטהאָן קאָרניי און האָט זיך א ווענד געטהאָן צו דער אַלטער ניאַניאַ, וועלכע איז נור וואָס אריינגעקומען — זאָגט איהר שוין, מאַריא יעפימאָוונאַ: נעהמט און לאָזט זיא אריין, קיינעם ניט פרעגענדיג און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש וועלען גלייך אויפשטעהען און וועלען געהן אין קינדער־צימער.

— יא, יא, אזוי איז דאָס! — האָט גערעדט דיא ניאַניאַ — איהר, קאָרניי וואסיליעוויטש וואָלט בעסער געטהאָן, ווען איהר זאָלט איהם פערהאַלטען, דעם הערן, און איך וועל דערווייל א לאָף טהאָן אין קינדער־צימער און וועל זיא ארויספיהרען! יא, יא, אזוי געהט דאָס!

ווען דיא ניאַניאַ איז אריין אין קינדער־צימער, האָט סעריאָזשאַ געהאַלטען אין מיטען דערצעהלען דער מוטער, וויא ער מיט נאַדינקאַ האָבען זיך געגליטשט אראָב בארג און האָבען זיך דריי מאָהל איבערגעקוליעט. זיא האָט געהערט דיא קלאַנגען פון זיין שטימע, האָט געזעהען דעם אויסדרוק פון זיין פנים, האָט געפיהלט זיינע הענד, אָבער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס ער האָט צו איהר גערעדט. מען דאַרף אוועקגעהן, מען דאַרף איהם איבערלאָזען, האָט זיא געהאַלטען אין איין טראַכטען און פיהלען.

— פּריצתה׳לע, טהייערינקע! — האָט אָנגעהויבען ריידען דיא ניאַניא,

אונטערגעהענדיג צו אננא און קושענדיג איהרע פיס און אקסלען — אט האט געבראכט שמחה אונזער נייגעבארענעם. איהר האט זיך גאר ניט געענדערט.

— אך, ניאניא, ליעבינקע, איך האב ניט געוואוסט, אז איהר זייט נאך דא אין הויז — האט קומענדיג אויף א מינוט צו זיך געזאגט אננא.

— ניין, איך וואהן דא ניט מעהר, איך וואהן מיט מיין טאכטער, איך בין בלויז געקומען גראטולירען צום געבורטס־טאג, מיין ליעבינקע, אננא אר־קאדיעוונא.

דיא ניאניא האט זיך פלוצלונג צוואויינט און האט ווידער אנגעהויבען צו קושען אננא'ס האנד. סעריאזשא'ס אויגען האבען געשיינט און געשמייכעלט און האלטענדיג מיט איין האנד דיא ניאניא און מיט דער אנדערער דיא מוטער, האט ער געטופעט מיט זיינע נאקעטע, פעטע פיסלאך אין טעפיך. דיא צערט־ליכקייט פון דער געליעבטער ניאניא און פון דער מוטער האבען איהם געבראכט אין ענטציקונג.

— מאמא, זיא קומט אפט צו מיר און ווען זיא קומט... — האט ער געוואלט אנגעהויבען, האט זיך אבער אבגעשטעלט, בעמערקענדיג וויא דיא ניאניא האט עפעס שטילערהייט געזאגט דער מוטער און וויא אויף דער מוטער'ס פנים האט זיך געוויזען א דערשראקענער אויסדרוק און עפעס וויא א פארשעהמטקייט, וואס האט אזוי ניט געפאסט צו זייו מאמא'ס פנים.

זיא איז צו איהם צוגעגאנגען.

— מיין ליעבער! — האט זיא געזאגט.

זיא האט ניט געקאנט זאגען „אדיע,“ אבער איהר פנים האט דאס אויס־געדריקט און ער האט עס פערשטאנען — מיין ליעבער קוטיק! — האט זיא איהם אנגע־ופען מיט דעם נאמען, וויא זיא פלעגט איהם רופען, ווען ער איז געווען א קליינינקער — דוא וועסט מיך ניט פערגעסען? דוא...

און זיא האט מעהר ניט געקאנט ריידען. ער האט פערשטאנען, אז זיא איז אונגליקליך און זיא ליעבט איהם. ער האט אפילו פערשטאנען דאס וואס דיא ניאניא האט איהר שטילינקערהייט געזאגט. ער האט געהערט דיא ווערטער: „אימער נייען א זייגער“ און ער האט פארשטאנען, אז דאס האט זיך גערעדט וועגען זיין פאטער, און אז דיא מוטער טאר זיך מיט'ן פאטער ניט באגעגענען. אבער איין זאך האט ער ניט געקאנט פארשטעהן: פאר וואס האט זיך אויף איהר פנים געוויזען ערשראקענהייט און פארשעהמטקייט?... זיא איז ניט שולדיג, זיא האט מורא פאר איהם און שעהמט זיך פאר עפעס. ער האט ניט געוואגט צו פרעגען; ער האט געזעהען אז זיא ליידעט און ער האט אויף איהר אזוי רחמנות געהאט. ער האט זיך שווייגענדיג צוגעדריקט צו איהר און האט גע־מורמעלט:

— געה ניט אוועק, זיי נאך דא. ער וועט ניט קומען אזוי שנעל.

דיא מוטער האט איהם אבגערוקט פון זיך, אום צו פערשטעהן, צו דענקט ער וואס ער רעדט, און זיא האט אין זיין צושראקענעם פנים געלעזען, אז ער האט ניט בלויז גערעדט וועגען פאטער, נור אזוי וויא ער וואלט אין דערזעלבער צייט מיט זיינע ווערטער פרעגען איהר. וואס דארף ער דיינקען פון פאטער.

— סעריאָזשא, מיין פריינד —. האָט זיא געזאָגט — ליעב איהם, ער איז בעסער און גוטהערציגער פון מיר און איך בין שולדיג געגען איהם. ווען דוא וועסט אויסוואקסען, וועסט דוא אליין נאָכדיינקען.

— ניטאָ קיין בעסערע פון דיר!... — האָט ער א פערצווייפעלטער אָנגעהויבען צו שרייען מיט טרערען און א כאַפּ טהאָנדיג איהרע אַקסלען, האָט ער זיך מיט זיינע גאַנצע כחות צוגעפרעסט צו איהר מיט ציטערענדע הענד פון אָנשטריינגונג.

— נשמה'לע מיינע, לעבען מיינס! — האָט אויסגעשעפּצעט אננא און האָט זיך צוואויינט קינדעריש, וויא ער האָט געוויינט.

אין דעם דאָזיגען מאָמענט האָט זיך געעפענט דיא טיהר און וואסילי לוקיטש איז אריין. אין דער צווייטער טיהר האָבען זיך דערהערט טריט און דיא ניאַניא האָט מיט א צושראָקענער שטימע א זאָג געטהאָן: „ער געהט,“ און זיא האָט דערלאַנגט אננא'ן איהר היטעלע.

סעריאָזשא האָט זיך ארונטערגעלאָזען אין בעט און האָט זיך צושלוכצעט, פארדעקענדיג דעם פּנים מיט דיא הענד. אננא האָט אָבגעצויגען זיינע הענד פון זיין געזיכט, האָט נאָך אַמאָהל אָנגעקושט זיין נאַסען פּנים און איז שנעל ארויס אין טיהר. אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש איז געגאַנגען איהו אנטקעגען. דער־זעהענ־ינ זיא, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און האָט אָנגעבויגט דעם קאָפּ.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיא האָט נור וואָס געזאָגט, אז ער איז בעסער און גוטהערציגער פון איהר, פון דעסטוועגען ווען זיא האָט א קוק געטהאָן איצט אויף איהם און איהר בליק האָט ארויבגעכאַפּט זיין גאַנצע פיגור מיט אלע איינ־צעלהייטען, האָט איהר אָנגעכאַפּט א געפיהל פון אבשטוים און ערביטערונג געגען איהם און פערדרוס פאר איהר זוהן. זיא האָט מיט א שנעלע בעוועגונג אראָב־געלאָזען דעם שלייער און איז מיט שנעלע טריט כמעט ארויסגעלאָפען פון צימער.

זיא האָט אפילו ניט בעוויזען ארויסצונעהמען דיא שפּיעלציינג, וועלכע זיא האָט מיט אזוי פיעל ליעבע און ביינקשאפט אויסגעקליבען פאר איהם אין קלייט און האָט זיי געבראַכט צוריק מיט זיך אין האָטעל.

## 31.

וויא שטארק אננא האָט ניט געשמאַכטעט צו זעהן איהר זוהן, האָט זיא פון דעסטוועגען ניט ערווארט, אז דאָס דאָזיגע זעהען זיך מיט איהם וועט אויף איהר אזוי שטארק ווירקען. ווען זיא איז געקומען צוריק אין איהר וואָהנונג אין האָטעל, האָט זיא פאר א היבשע צייט ניט געקאָנט פארשטעהען, צו וואָס איז זיא דאָ. „יאָ, אלעס געענדיגט, און איך בין ווידער עלענד,“ האָט זיא זיך געזאָגט און ניט אראָבנעהמענדיג דעם הוט, האָט זיא זיך געזעצט אויפ'ן שטוהל, וואָס איז געשטאַנען לעבען קאמין.

# אננא קאַרענינאַ

דאָס פראַנצויזישע מיידעל, וועלכעס זיי האָבען געבראַכט פון אויסלאַנד, איז אַריינגעגאַנגען און האָט איהר פאָרגעשלאָגען אָנצוטהאָן זיך. זיא האָט אויף איהר א קוק געטהאָן א פערוואונדערטע און האָט געזאָגט: שפּעטער. — דער לאַקעי האָט געפרעגט, צו זאָל ער ברײנגען קאָפּעע: — שפּעטער — האָט זיא געזאָגט.

דיא איטאַליענישע אַם האָט אַריינגעטראָגען אַנגאַ'ן דיא אויסגעפּוצטע מיידעלע. דאָס ווייכינגע, גוט געפּפלעגטע קינד, האָט אָנגעהויבען צו שווימען מיט דיא הענטעלעך וויא א פיש און שמייכלענדיג מיט איהר אָהנציינערדיגען מײלכעל. עס איז אונמעגליך געווען ניט א שמייכעל צו טהאָן, ניט א קוש צו טהאָן דאָס קינד; עס איז אונמעגליך געווען ניט אויסשטעלען א פינגער, אָן וועלכען עס זאָל זיך אָנכאַפּען קוויטשענדיג און אונטערשפּרינגענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּערעל; אונמעגליך געווען ניט אויסשטעלען איהר א ליפּ וועלכע עס זאָל, וויא א קוש, אַריינכאַפּען אין מײלכעל. און דאָס אַלעס האָט אַננאַ געטהאָן: און זיא האָט דאָס קינד גענומען אויף דיא הענד און געלאָזט עס שפּרינגען און געקושט אין דיא וייכע בעקעלעך און אין דיא נאַקעטע עלענבויגענדלעך. אָבער זעהענדיג דאָס קינד, האָט זיך איהר נאָך קלאָהרער פאָרגעשטעלט, אַז דאָס וואָס זיא האָט צו דער מיידעלע געפיהלט איז אפילו ניט קיין ליעבע אין פערגלייך מיט דאָס וואָס זיא האָט געפיהלט צו סעריאָזשאַן. אין דעם דאָזיגען קינד איז אַלעס געווען ליעבליך, נור דאָס אַלעס האָט עפּעס ניט אזוי פערכאַפּט פאַר'ן הארצען. אויף דעם ערשטען קינד זיינען געווען אָוועקגעלייגט אַלע כחות פון ליעבע, אָבוואָהל עס איז געווען אַ קינד ניט פון קיין געליעבטען מענשען; דאָס צווייטע קינד איז שוין געווען געבאָרען אין דיא שווערסטע אומשטענדען און אויף איהר זייענען ניט אָוועקגעלייגט געוואָרען קיין הונדערטעל פון יענע זאָרג, וואָס זיינען אָוועקגעלייגט געוואָרען אויף סעריאָזשאַן. אויסער דעם איז אין מיידעלע אַלעס געווען ערוואַרטונג, און סעריאָזשא איז שוין געווען אַ מענש, אַ געליעבטער מענש; אין איהם האָבען שוין געקעמפּפט געדאַנקען, געפיהלען, ער האָט פערשטאַנען, ער האָט געליעבט, ער האָט געאורטהיילט וועגען איהר, האָט זיא געטראַכט, דערמאָנענדיג זיך זיינע ווערטער און זיינע בליקען. און זיא איז מיט איהם אויף אייביג צושיידט ניט בלויז פיזיש, נור אויך גייסטיג און פערפאַלען — פערריכטען דאָס קאָן מען שוין ניט.

זיא האָט אָוועקגעגעבען דער אַם דאָס קינד און האָט געעפענט דעם מעדאַליאָן, וואו עס איז געווען סעריאָזשאַ'ס בילד, ווען ער איז געווען אַזוי קליין וויא דאָס מיידעלע. זיא איז דערנאָך צוגעגאַנגען צום אלבום און האָט אויפגעמישט זיינע פערשיעדענע בילדער. זיא האָט פערגליכען זיינע בילדער פון פערשיעדענעם עלטער. זיא האָט זיי אַלע אַרויסגענומען. עס איז געבליבען איינע, דאָס לעצטע, בעסטע בילד, וויא ער זיצט אין אַ ווייס העמדעל רייטענדיג אויף אַ שטוהל, דיא אויגען פערוואָלקענט און אַ שמייכעל אַרום מויל. דאָס איז געווען דער בעסטער אויסדרוק פון זיין פּנים. זיא האָט גענומען מיט איהרע איידעלע פינגער אַרויסציהען דאָס בילד פון אלבום, האָט אָבער ניט געקאָנט אַרויסרוקען דיא ווינקלען. אַזוי וויא קיין פּאַפּיער־מעסערעל איז ניט געווען ביים האַנד, האָט זיא אַרויסגע־

גומען א בילד, וואס איז געווען אין איין רייהע מיט סעריאזשאס און האט מיט א ווינקעל פון בילד ארויסגעשטופט סעריאזשאס בילד. דאס בילד, וואס זיא האט דערצו בענוצט איז געווען ווראנסקיס, וועלכע איז אראבגענומען געווארען אין רוים, אין א רונדען הוט מיט לאנגע האאר. „דאס איז ער!“ האט זיא א זאג געטאהן א קוק געבענדיג אויף ווראנסקים בילד, און זיא האט זיך פלוצלונג דערמאנט ווער עס איז געווען דיא אורזאכע פון איהרע איצטיגע יסורים. אבער זעהענדיג זיין מענליכע, אדעליגע געשטאלט, וואס איז איהר געווען אזוי בעקאנט און אזוי ליעב, האט זיא דערפיהלט אן אונערווארטעטען צופלוס פון ליעבע צו איהם.

„אבער וואו איז ער? וויא פערלאזט ער עס מיך אליין מיט מיינע יסורים?“ האט זיא פלוצלונג א טראכט געטאהן, פארגעסענדיג אז זיא אליין האט פון איהם אלעס בעהאלטען, וואס אנבעלאנגט איהר זוהן. זיא האט געשיקט איהם בעטען, אז ער זאל צו איהר קומען, אבער תיכף; מיט א פערשטארבען הארץ האט זיא געווארט און צוגעטראכט דיא ווערטער, מיט וועלכע זיא וועט איהם אלעס זאגען און יענע אויסדריקע פון ליעבע, מיט וועלכע ער וועט זיא טרויסטען. דער שליח האט זיך צוריקגעקעהרט מיט דעם ענטפער, אז ביי איהם זיצט א גאכט און אז ער וועט באלד קומען; ער האט אויך געהייסען אנפרעגען זיא, אויב זיא קאן איהם אויפנעהמען מיט א גאסט, פירסט יאשווין, וועלכער איז געקומען צו־פאהרען קיין פעטערסבורג.

„ניט אליין וועט ער קומען, וועהרענד ער האט מיך שוין זינט נעכטען מיטאג־צייט ניט געזעהען — האט זיא א טראכט געטאהן — ער וועט קומען ניט אזוי, אז איך זאל איהם קאנען אלץ ארויסזאגען, נור ער וועט קומען מיט יאשווינען“. און פלוצלונג איז איהר ארויף אויפ'ן זינען א זאנדערבארער גדאנק: און וויא וועט זיין ווען ער וועט זיא אויפהערען ליעב צו האבען?

בעטראכטענדיג גוט דיא פאסירונגען פון דיא לעצטע טעג, האט זיך איהר געדוכט, אז אין אלעס איז צו זעהען א בעשטעטיגונג פון דעם דאזיגען שרעקליכען גדאנק. ער האט נעכטען געגעסען מיטאג ניט צו הויז; ער איז געשטאנען דערויף, אז אין פעטערסבורג זאלען זיי וואהנען בעזונדער; ער געהט צו איהר איצט ניט אליין, וויא ער וואלט זוכען אויסמיידען צו בלייבען מיט איהר אויג צו אויג — דאס אלץ איז א בעווייז.

„אבער דאן מוז ער מיר דאס זאגען. איך דארף דאס וויסען. אויב איך וועל דאס וויסען, דאן ווייס איך אויך וואס איך וועל טאהן“, האט זיא געזאגט צו זיך אליין. זיא האט געמיינט, אז ער ליעבט זיא שוין מעהר ניט און זיא האט זיך געפיהלט בעזונדער אויפגערעגט. זיא האט א קלינג געטאהן דיא דינסט זאל אריין און זיא איז געגאנגען איבערטאהן זיך; זיא האט זיך דעם מאל בעשעפטיגט מיט איהר אנקליידען זיך מעהר אלס ווען עס איז פאר דיא לעצטע עטליכע טעג, וויא ער וואלט אפשר ווידער פערליעבען זיך אין איהר צוליעב דעם, וואס זיא טראגט אזא קלייד און איז אזוי פערקאמט וויא עס פאסט צו איהר אם בעסטען.

זיא האט דערהערט דעם גלעקעל נאך איידער זיא איז געווען פארטיג.

ווען זיא איז ארויסגעקומען אין זאל האט זיא בעגעגנט ניט ער, נור יאשווין. ער איז געשטאנען און האט זיך צוגעקוקט צו איהר זוהן'ס בילד, וואס

זיא האָט פערגעסען אויפ'ן טיש, און ער האָט זיך ניט געאיילט אַ קוק צו טאָהן אויף איהר.

— מיר זיינען בעקאַנטע, — האָט זיא געזאָגט, אַוועקלייגענדיג איהר קליינע הענטעל אין יאשווינס גרויסער האַנד. ער האָט זיך אַביסעל פערשעהמט, וואָס איז געווען זאָנדערבאַר פאַר זיין גרויסער פיגור און גראָבען פּנים — מיר זיינען בעקאַנט פון לעצטען יאָהר ביי דיא רי־סינס. גיט אַהער — האָט זיא אַ זאָג געטאָהן, שנעל אַוועקנעהמענדיג פון איהם איהר זוהן'ס בילד — וויא זיינען געווען האַ־יאָהריגע רייסעס? אנשטאָט זיי האָבען מיר געזעהען האַיאָהר דיא רייסעס אין רוים. אמת, איהר האָט ניט ליעב דאָס אויסלענדישע לעבען. איהר זעהט, איך קען אייך און וויים אייער געשמאַק, אָבוואָהל איך האָב זיך מיט אייך ווייניג בעגעגענט.

— דאָס פערדריסט מיך, ווייל מיין געשמאַק איז מעהרסטען שלעכט — האָט געזאָגט יאשווין פערבייסענדיג דיא לינקע וואָנצע.

רײדענדיג אַ קורצע ווײלע און בעמערקענדיג אַז ווראָנסקי האָט אַ קוק געטאָהן אויפ'ן זייגער, האָט יאשווין זיא אַ פרעג געטאָהן צו וועט זיא נאָך לאַנג פערבלייבען אין פּעטערסבורג און האָט זיך אַ נעהם געטאָהן פאַר זיין הוט.

— דוכט זיך ניט לאַנג — האָט זיא געזאָגט צוטומעלט, אַ קוק טאָהנ'דיג אויף ווראָנסקי.

— וועלען מיר זיך מעהר, הייסט עס ניט זעהען? — האָט געזאָגט יאשווין אויפשטעהענדיג און האָט זיך אַ ווענד געטאָהן צו ווראָנסקי — און וואו עסט דוא היינט מיטאג?

— קומט צו מיר אויף מיטאג — האָט ענטשלאָסען געזאָגט אננאַ. — דאָ זיינען דיא מיטאגס ניט בעזאָנדערענס, אָבער דערפאַר וועט איהר זיך זעהען מיט איהם. פון אַלע רעגימענטס־קאַמעראַדען האָט אַלעקסיי קיינעם אַזוי ניט ליעב וויא אייך.

— דאָס פרעהט מיך זעהר — האָט יאשווין געענטפערט מיט אַ שמייכעל, פון וועלכען ווראָנסקי האָט באַמערקט, אַז אננאַ געפעלט איהם זעהר.

יאשווין האָט גענומען אבשיעד און ווראָנסקי איז געבליבען הינטער איהם.

— פאָהרסט דוא דען אויך? — האָט זיא איהם אַ פרעג געטאָהן.

— איך האָב שוין אַביסעל פערשפּעטיגט — האָט ער געענטפערט, און האָט נאָכגעשריען יאשווינען: געה, איך וועל דיך אָניאָגען!

זיא האָט איהם אָנגענומען פאַר דער האַנד און ניט אַראָבנעהמענדיג דיא אויגען האָט זיא געקוקט אויף איהם, זוכענדיג ביי זיך אין דיא גערדאַנקען וואָס זיא זאָל זאָגען אום צו קאָנען פערהאַלטען איהם.

— וואַרט, איך דאַרף וואָס זאָגען — האָט זיא געזאָגט און האָט זיין האַנד אַרויפגעלייגט אויף איהר פּאַטיליצע — האָב איך ניט גוט געטאָהן וואָס איך האָב איהם איינגעלאַדען צו מיטאג?

— זעהר גוט געטאָהן — האָט ער געענטפערט מיט אַ רוהיגען שמייכעל, צועפענענדיג זיינע פעסטע צייהנער און קושענדיג איהר האַנד.

— אַלעקסיי, האָסט דוא זיך ניט געענדערט אין דיינע געפיהלען צו מיר?

— האָט זיא געזאָגט דריקענדיג מיט ביידע הענד זיין האַנד — אַלעקסיי, איך האָב זיך דאָ אויסגעמאַטערט. ווען וועלען מיר אַוועקפאָהרען פון דאַנען?

— אין גיכען, אין גיכען. דוא וועסט ניט גלויבען, וויא שווער מיר איז אויך אונזער לעבען דאָ — האָט ער געזאָגט און ארויסגעצויגען זיין האַנד.

— נו, געה, געה! — האָט זיא געזאָגט בעליידיגט און זיא איז שנעל אַוועק פון איהם.

32.

ווען ווראָנסקי האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, איז אַננאַ נאָך אין דערהיים ניט געוועזען. מען האָט איהם געזאָגט, אַז גלייך נאָך דעם וויא ער איז אַוועק איז צו איהר געקומען צופאָהרען עפּעס אַ דאַמע און זיא איז צוזאַמען מיט איהר אַוועקגעפאָהרען. דאָס, וואָס זיא איז אַוועקגעפאָהרען ניט זאָגענדיג וואוהין; דאָס, וואָס זיא איז נאָך ביז אַהער ניט געקומען; דאָס, וואָס זיא איז נאָך אין־דערפריה געפאָהרען ערגעץ און האָט איהם ניט געזאָגט וואוהין זיא איז דאָס געפאָהרען — דאָס אַלעס, צוזאַמען מיט דער זאָנדערבאַרער אויפפיהרונג, וועלכע ער האָט פריהער געמערקט אין איהר געזיכט און אין דעם פריינדליכען טאָן, מיט וועלכען זיא האָט פאַר יאַשווינען כמעט אַרויסגעריסען פון זיינע הענד איהר זוהנס בילד, האָט איהם געמאַכט נאַכצודיינקען. ער האָט בעשלאָסען, אַז ער מוז האָבען אַן ערקלעהרונג, מוז זיך מיט איהר וועגען דעם דורכריידען. און ער איז געזעסען און געוואַרט אויף איהר.

אָבער אַננאַ האָט זיך אומגעקעהרט ניט אַליין, נור זיא האָט געבראַכט מיט זיך איהר טאַנטע, אַן אַלטע מויד, פירסטין אבלאַנסקאַיא. דאָס איז געוועזען דיעזעלביגע דאַמע, וואָס איז צו איהר געקומען אין דער פריה און מיט וועלכער אננאַ איז געפאָהרען איינקויפען פערשיעדענע זאַכען. אַננאַ האָט אַריינקומענדיג כמעט ניט באַמערקט דעם אויסדרוק פון ווראָנסקיס פּנים, וועלכער איז געוועזען פערזאָרגט און פראַגליך, און זיא האָט איהם פרעהליך דערצעהלט, וואָס זיא האָט איינגעקויפט. נר האָט געמערקט אַז אין איהר קומט פאָר עפּעס בעזאָנדערעס: אין איהרע גלאַנציגע אויגען, איז געוועזען צו מערקען עפּעס אַן אנשטריינגענדע אויפמערקזאַמקייט און אין איהרע רייד און בעוועגונגען איז געוועזען יענע נערוועזע שנעלקייט און גראַציע, וועלכע האָט איהם אַזוי בעצויבערט אין דער ערשטער צייט פון זיין ליעבע צו איהר, און איצט האָט דאָס איהם בעאונרוהיגט און געשראָקען.

מיטאָג איז געוועזען געגרייט פאַר פיער. אַלע האָבען זיך שוין פערזאַמעלט אום צו געהן אין דעם קליינעם עסס־צימער, וויא עס איז געקומען צופאָהרען טושקעוויטש מיט אַן אויפטראַג פון פירכטין בעטסי צו אַננאַ. פירסטין בעטסי האָט געבעטען אום ענטשולדיגונג, וואָס זיא איז ניט געקומען זעגענען זיך; זיא איז געוועזען קראַנק, אָבער זיא האָט געבעטען אַננאַ'ן, זיא זאָל צו איהר קומען צופאָהרען צווישען האַלב זיעבען און נייען אַ זייגער. ווראָנסקי האָט אַ קוק געטהאָן

אויף אננאַ'ן; פון דער בעשטימונג פון דער צייט איז געווען צו דערקענען, אז גרעפין בעטסי האָט פאַרגענומען מיטלען, זיא זאָל דאָרט קיינעם ניט בעגעגענען. אָבער אננאַ האָט עס וויא גאָר ניט באַמערקט.

— עס פערדריסט מיך זעהר, וואָס דאָס איז אַקוראַט א צייט, אין וועלכער איך קען ניט פאָהרען — האָט זיא געזאָגט קוים שמייכלענדיג.

— דיא פירסטין וועט דערפון האָבען פערדרוס — האָט געזאָגט טושקעוויטש.

— און איך אויך — האָט געענטפערט אננאַ.

— איהר וועט דאָך מסתמא פאָהרען הערען פּאַטטי'ן? — האָט געזאָגט טושקעוויטש.

— פּאַטטי?... איהר זייט גערעכט. איך וואָלט אפשר געפאָהרען, ווען איך זאָל קאָנען בעקומען א לאָזשע.

— א לאָזשע קאָן איך בעקומען — האָט זיך אָנגעכאַפּט טושקעוויטש.

— איך וואָלט אייך זעהר, זעהר דאַנקבאַר זיין — האָט געזאָגט אננאַ — צו וואָלט איהר אפשר ניט געגעסען מיטאָג מיט אונז צוזאַמען?

ווראָנסקי האָט קוים בעמערקבאַר א קוועטש געטהאָן מיט דיא אַקסלען. ער האָט ניט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וואָס טהוט זיא דאָס אזוינס. צו וואָס האָט זיא געבראַכט אהער דיא אַלטע פירסטין, צו וואָס האָט זיא איינגעלאַדען טושקעוויטש'ען צו מיטאָג און האָט זיך בעזונדער געוואונדערט, וואָס זיא שיקט איהם נעהמען א לאָזשע? איז גאָר מעגליך צו דיינקען, אז זיא זאָל פאָהרען אין אַזאַ אָבענד, ערשיינען אויף פּאַטטי'ס אַבאָנעמענט אין טהעאַטער, וואו עס וועט זיין דיא גאַנצע אויבערשטע געזעלשאַפט, וועלכע קאָן זיא? ער האָט אויף איהר א קוק געטהאָן מיט אן ערנסטען בליק, אָבער זיא האָט איהם געענטפערט ווידער מיט אַזאַ בליק, וועלכען ער האָט ניט געקאָנט פערשטעהן. צו מיטאָג איז זיא געווען עפּעס בעזונדער מונטער און לעבעדיג, עפּעס גאָר אזוי וויא זיא וואָלט קאָקעטירען מיט טושקעוויטשען און מיט יאַשווינען. נאָך מיטאָג איז טושקעוויטש געפאָהרען קריגען א לאָזשע, יאַשווין איז אראָבגעגאַנגען רויכערען און ווראָנסקי איז אראָב מיט איהם צו זיך אין דיא צימערען. אָבער זיצענדיג א ווייל, איז ער באַלד ארויפגעלאָפען צוריק צו אננאַ.

אננאַ איז שוין געווען אָנגעטהאָן אין א העל-זיידענע קלייד געפּוצט מיט זאַמעט — א קלייד וואָס זיא האָט געלאָזט פאַר זיך מאַכען אין פּאַריז, מיט א קאָלטירטע ברוסט און מיט ווייסע, טהייערע שפּיצען אויפ'ן קאָפּ, וואָס האָט ארומגעזיימט איהר פּנים און האָט בעזונדער בולט ארויסגעוויזען איהר שעהנהייט.

— איהר פאָהרט טאַקע אין טהעאַטער? — האָט ער געפרעגט, זוכענדיג ניט צו קוקען אויף איהר.

— פאַר וואָס פרעגט איהר דאָס עפּעס אזוי צושראָקען? — האָט זיא געזאָגט, זייענדיג אויף דאָס ניי בעליידיגט, פאַר וואָס ער קוקט אויף איהר ניט — פאַר וואָס זאָל איך ניט פאָהרען?

# אננא קארענינא

זיא האָט עפּעס וויא גאָר ניט פערשטאַנען דיא בעדייטונג פון זיינע ווערטער.

— נאַטירליך, עס זיינען ניטאָ קיינע אורזאכען — האָט ער געזאָגט אַן אָנגעוואָלקענטער.

— זאָג איך דאָך דאָס אויך — האָט זיא געענטפערט, מיט אַ כיון ניט פאַרשטעהענדיג דיא איראָניע פון זיין טאָן.

— אננא, אום גאָטעס ווילען! וואָס איז מיט אייך? — האָט ער געזאָגט, וויקענדיג זיא, אזוי וויא אמאָל האָט צו איהר דער מאַן גערעדט.

— איך פאַרשטעה ניט, וועגען וואָס פרעגט איהר מיך?

— איהר ווייסט, אז איהר טאָרט ניט פאָהרען.

— פאר וואָס? איך פאָהר ניט אליין. פירסטין ווארווארא איז געפאָהרען אָנציהען זיך. זיא פאָהרט מיט מיר צוזאמען.

ער האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט דיא אַקסלען אַ פערצווייפעלטער.

— אָבער ווייסט איהר דען ניט... — האָט ער געוועזן אָנגעהויבען.

— איך וויל אָבער ניט וויסען! — האָט זיא כמעט אַ געשריי געטהאָן — איך וויל ניט וויסען. האָב איך דען חרטה פון דעם, וואָס איך האָב געטהאָן? ניין, ניין און ניין. און אויב עס וואָלט אויסגעקומען צו טהאָן ווידער פון אָנפאַנג, וואָלט איך איצט אויך אנדערש ניט געטהאָן. פאַר אונז, פאַר מיר און פאַר אייך, איז וויכטיג בלויז איינס: צו ליעבען מיר איינער דעם אַנדערען. קיין אנדערע אורזאכען קאָנען ניט זיין. פאַר וואָס וואָהנען מיר דאָ עפּעס אָבגעזונדערט און זעהען זיך ניט? פאַר וואָס טאָר איך ניט פאָהרען? איך ליעב דיך און מיר איז אַלץ איינס — האָט זיא געזאָגט אויף רוסיש און איהרע אויגען האָבען בעזונדער אַ גלאַנץ געטהאָן אַ קוק טהאָנדיג אויף איהם — אויב נו, דוא האָסט זיך ניט געענדערט. פאַר וואָס קוקסט דוא עפּעס אויף מיר ניט?

ער האָט אויף איהר געקוקט. ער האָט געזעהען דיא גאַנצע שעהנקייט פון איהר פּנים און פון איהר קאָסטיום, וואָס האָט איהר אַלע מאָל אַזוי געפּאַסט. אָבער איצט האָט גראַד דיא דאָזיגע שעהנהייט און דיא עלעגאַנץ איהם אויפגערעגט.

— מיין געפיהל קאָן זיך ניט ענדערען, דאָס ווייסט איהר, אָבער איך בעט אייך איהר זאָלט ניט פאָהרען, איך בעט אייך — האָט ער ווידערהאָלט אויף פראַנצויז מיט אַ צערטליכער בקשה אין שטימע נור מיט קאַלטקייט אין בליק.

זיא האָט דיא ווערטער ניט געהערט, זיא האָט בלויז דיא קאַלטקייט פון בליק געזעהען און האָט געענטפערט מיט אויפרעגונג:

— און איך בעט אייך ערקלעהרען פאַר וואָס טאָר איך ניט פאָהרען.

— דערפאַר ווייל דאָס קאָן אייך פּעראורזאכען דאָס... — ער האָט זיך צושטאַמעלט.

— איך פאַרשטעה קיין זאַך ניט. יאשווין וועט ניט קאָמפּראָמעטירען און פירסטין ווארווארא איז בשום אופן ניט ערגער פון אַנדערע. און אָט קומט זיא טאַקע.

# אננא קארענינא

## 33.

צום ערשטען מאָל האָט וורָאנסקי געפיהלט געגען אננאַן פערדרוס, כמעט בייזקייט פאַר איהר אומישנע ניט פאַרשטעהן אידר לאַגע. דאָס דאָזיגע געפיהל האָט זיך נאָך פערשטאַרקט דערפון, וואָס ער האָט איהר ניט געקאָנט אויסדריקען דיא אורזאַכע פון זיין פערדרוס. ווען ער וואָלט איהר געזאָגט אָפען וואָס ער האָט געטראַכט וואָלט ער איהר געזאָגט פאָלגענדעס: אין דעם דאָזיגען קאַסטיום און מיט דער אַלעמען בעוואוסטער פירסטין צו ערשיינען אַ טהעאַטער — דאָס הייסט ניט בלויז אַנערקענען איהר לאַגע אלס דיא לאַגע פון אַ געזונקענער פרויענ־צימער, נור אויך מאַכען דער וועלט אַן ארויספאָדערונג, ד. ה. אויף אייביג אָב־רייסען זיך פון דער געזעלשאַפט.

ער האָט איהר דאָס ניט געקאָנט זאָגען. „אָבער וויא קאָן זיא דאָס ניט פאַרשטעהן, און וואָס קומט אין איהר אזוינס פאָר?" האָט ער זיך געפרעגט. ער האָט געפיהלט, אַז אין דערזעלבער צייט האָט זיך פערקלענערט זיין רעספּעקט פאַר איהר און עס האָט זיך פאַרגרעסערט דיא אנערקענונג פון איהר שעהנהייט.

אַן אָנגעוואָלקענטער האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין זיינע צימערען און זעצענדיג זיך לעבען יאַשווינען, וועלכער האָט געטרונקען קאָניאַק מיט זעלצער־וואַסער, האָט ער געהייסען זיך אויך דערלאַנגען דאָסזעלביגע.

— דוא זאָגסט וועגען לאַנקאָווסקיס „מעכטיגען". דאָס איז אַ גוטער פערד און איך ראַטה דיר איהם צו קויפען — האָט געזאָגט יאַשווין אַ קוק טאָהנדיג אויף דעם בייזען פּנים פון זיין חבר — דער הינטערשטער טהייל איז ביי איהם ניט אזוי גוט, אָבער דערפאַר דיא פיס און דער קאָפּ — מען דאַרף קיין בעסערע ניט.

— איך רעכען, אַז איך וועל איהם קויפען — האָט געענטפערט וורָאנסקי.

דאָס געשפּרעך וועגען פערד האָט איהם אינטערעסירט, אָבער אין דער־זעלבער צייט האָט ער אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסען אננאַן. האָט זיך ניט ווילענ־דיג צוגעהערט צו דיא טריט אין קאַרידאָר און האָט געקוקט אויפ'ן זייגער.

— אַננאַ ארקאַדיעוונאַ האָט געהייסען מעלדען, אַז זיי זיינען געפאָהרען אין טהעאַטער.

יאַשווין האָט זיך אַ הויב געטאָהן, אַריינגיסענדיג דאָס גלעזעל קאָניאַק אין דיא זעלצער, האָט שנעל אויסגעטרונקען און האָט אָנגעהויבען צושפּילען זיין ראָק.

— נו, וואָס, פאָהרען מיר? — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיג אונטער דיא וואָנצעס און ווייזענדיג דערמיט, אַז ער פאַרשטעהט דיא אורזאַכע פון וורָאנ־סקיס מרה־שחורה'דיגקייט, נור האַלט דאָס ניט פאַר וויכטיג.

— איך וועל ניט פאָהרען — האָט פינסטער געענטפערט וורָאנסקי.

— און איך דאַרף פאָהרען, איך האָב פערשפּראָכען. נו, אויף ווידערזעהען.

און אפשר קום צופֿאָהרען צו זיצען ניט אין א לאזישע. נעהם קראסניבקים פלאץ— האָט געזאָגט יאשווין ארויסגעהענדיג.

— ניין, איך בין באשעפטיגט.

„מיט א פרוי איז א צרה, מיט ניט־א־פרוי איז נאָך ערגער“, האָט א טראַכט געטאָהן יאשווין, ארויסגעהענדיג פון האָטעל.

וורָאנסקי איז געבליבען אליין, איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבען ארומצוגעהן איבערן צימער: „היינט איז וואָס? דער פערטער אבענד פון פאטטי... יעגאָר איז דאָרט מיט זיין פרוי, און דיא מאַמע איז דאָרט אויך געוויס. דאָס הייסט, אַז גאַנץ פעטערסבורג איז דאָרט. אין דעם מאָמענט איז זיא געוויס אריין אין לאזשע, האָט איצט אַראָבגענומען דעם פוטער־מאַנטעל און געוויזען זיך פאר דער געזעלשאפט. טושקעוויטש, יאשווין, פירסטין ווארוואַרא.... — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אין זיינע געדאַנקען — און וואָס־זשע איז מיט מיר? האָב איך מורא, אָדער האָב איך איבערגעגעבען טושקעוויטשען צו זיין איהר וואָהלטהעטער? וויא מען זאָל דערויף ניט קוקען, דום, דום... און פאר וואָס זאָל זיא מיך שטעלען אין אזא לאַגע?“ האָט ער א זאָג געטאָהן א מאַך טאָהנ׳דיג מיט דער האנד.

מיט דער דאָזיגער בעוועגונג האָט ער א שטויס געטאָהן דעם טישעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען דיא פלאַש קאָניאַק און זעלצער־וואַסער און האָט דערמיט שיער ניט אומגעוואָרפען דיא פלעשער; ער האָט געוועלט אונטערכאַפען זיי האָט אָבער ניט בעוויזען, האָט מיט קריינקונג א שטויס געטאָהן דאָס טישעל מיט׳ן פוס און האָט א קלונג געטאָהן.

— אויב דוא ווילסט ביי מיר דיענען — האָט ער א בייזער געטאָהן זיך אויף דעם אריינקומענדען קאמערדינער — דאַרפסט דוא געדיינקען דיין זאַך. דאָס זאָל מיר דאָ ניט זיין. רוים דאָס אויף!

דער קאמערדיענער, וועלכער האָט זיך ניט געפיהלט שולדיג, האָט זיך גע־וועלט פערענטפערען, האָט אָבער א קוק געטאָהן אויפ׳ן פריץ און האָט פון זיין פנים פערשטאַנען, אַז מען דאַרף בלויז שווייגען; ער האָט זיך שנעל אויסגעבויגען און האָט אָנגעהויבען אויפקלייבען דיא צובראָכענע און גאַנצע גלעזלאַך און פלעשלעך פון טעפיך.

— דאָס איז ניט דיין ארבייט, שיק אריין דעם לאַקיי אויפראַמען און גרייט מיר אָן מיין פראַק.

---

עס איז געווען א זייגער האַלב נייען, ווען וורָאנסקי איז אריין אין טהעאַטער. דער ספעקטאַקל איז געווען אין רעכטען גאַנג. דער אַלטינקער קאַפעל־דינער האָט אַראָבגענומען פון וורָאנסקי דעם פוטער און דערקענענדיג איהם, האָט איהם אָנגערופען גלייך „אייער דורכלויכט.“ האָט איהם געראַטהען ניט צו נעהמען קיין נומער נור א געשריי טאָהן „פיאָדאָר!“ אין דעם ליכטיגער קארידאָר איז קיינער ניט געווען אויסער דעם קאַפעל־דינער מיט צוויי לאקייען מיט פוטערס אויף דיא הענד, צוהערענדיג זיך ביי דער טהיר. דורך דער פערמאַכטער טהיר האָבען זיך

געהערט דיא קלאַנגען פון דער פאָרזיכטיגע אַקאָמפּאַנירונג סטאַקאַטא פון אָרקעסטער און איין פרויען־שטימע, וועלכע האָט דייטליך ארויסגערעדט אַ מוזיק־פראַזע. דיא טהיר האָט זיך געעפענט דורכלאָזענדיג דעם קאַפעל־דינער, און דיא מוזיק־פראַזע, פון וועלכער עס האָט זיך שוין געהערט דער פינאַל האָט איבעררַאשט ווראָנסקי’ס געהער. אָבער דיא טיהר האָט זיך גלייך צוריק פערמאַכט און ווראָנסקי האָט שוין ניט געהערט דיא סאַמע ענדע פון פינאַל, נור פון דעם דונערנדען אפּלאָוז האָט ער געוואוסט, אַז דאָס איז דיא ענדע.

ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם טהעאַטער זאַל, וועלכער איז געווען העל־בעלויכטען פון הענגלייכטער און פון דיא גאַז־לאָמפּען, האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער רויש פון דיא אַפּלאָדיסמענטען. אויף דער סצענע איז געשטאַנען דיא זינגערין, גלענצענדיג מיט איהרע נאַקעטע שולטערן און מיט דיא בריליאַנטען, פערנייגענדיג זיך און שמייכלענדיג; זיא האָט געזאַמעלט, מיט דער הילף פון דעם טענאָר, וועלכער האָט זיא געהאַלטען פאַר’ן האַנד, דיא בלומען־בוקעטען, וועלכע זיינען געפאַלען אונבעקוועם איבער’ן ראַנד פון דער ביהנע; זיא איז איצט צוגעגאַנגען צו אַ הערן, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטען לעבען ביהנע, וועלכער האָט זיך געצויגען מיט לאַנגע הענד און מיט עפּעס אַ זאַך — און דאָס גאַנצע פובליקום פון פּאַרטער, פון דיא לאָזשעס האָט זיך געטומעלט, באַוועגט, געריסען זיך פאָראויס, געפּאַטשט און געשריען.

דער דיריגענט האָט פון זיין הויכען ביינקעל געהאָלפען איבערגעבען דיא מתנה און האָט פעררריכט זיין ווייסען האַלזטוך. ווראָנסקי איז צוגעגאַנגען ביז’ן מיטען פון פּאַרטער, האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט זיך אָנגעהויבען אומקוקען. היינט האָט ער ווייניגער איידער ווען עס איז, געצאָהלט אויפמערקזאַמקייט אויף דאָס אַרומיגע, אויף דער ביהנע, אויף דעם דאָזיגען גערודער, אויף דאָס אַלעס וואָס איהם איז געווען אַזוי בעקאַנט און איז איצט פאַר איהם געווען אַזוי אונאינטערעסאַנט; אַ בונטע סטאַדע פון צושויער אין אַ איבערגעפּאַקטען טהעאַטער.

וויא אימער, דיזעלביגע דאַמען אין דיא לאָזשעס מיט עפּעס אָפיצערען אין הינטער גרונד פון דיא לאָזשעס; דיזעלביגע גאָט ווייס וועלכע פערשיעדען־קאָלירטע פרויען, און מונדירען, און רעק; דיעזעלביגע שמוציגע מאַסע אויף דער גאַלערעע, און אין דער דאָזיגער גאַנצער מאַסע זיינען אפשר געווען אַ מענשען פערציג ו ו י ר ק ל י כ ע מענער און פרויען. און אויף דיא דאָזיגע אָאזיסען האָט ווראָנסקי גלייך געצאָהלט אויפמערקזאַמקייט און איז גלייך אַריינגעטרעטען מיט זיי אין בעציהונגען.

דער אַקט האָט זיך געענדיגט, ווען ער איז אריינגעקומען און דארום, ניט אַריינגעהענדיג צו זיין ברודער אין לאָזשע, איז ער צוגעגאַנגען ביז דער ערשטער רייהע און האָט זיך אָבגעשטעלט מיט סערפּוכאָווסקין, וועלכער האָט איהם דערזעהען פון וויטען און האָט איהם צוגערופען מיט אַ שמייכעל.

ווראָנסקי האָט נאָך אַננאַ ניט געזעהען; ער האָט אומישנע ניט געקוקט אין איהר זייט. ער האָט אָבער פון דער ריכטונג פון פיעלע בליקען געוואוסט וואו זיא איז. ער האָט זיך אונבעמערקט אומגעקוקט, אָבער האָט זיא ניט געזוכט; ער האָט ערוואַרטעט דאָס ערגסטע און האָט גאָר מיט זיינע אויגען געזוכט אַלעקסיי

אַלעקסאַנדראָוויטשען. אויף זיין גליק איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דעם אָבענד ניט געוועזן אין טהעאַטער.

— וויא ווייניג מיליטערישעס אין דיר איז פערבליבען! — האָט איהם געזאָגט סערפּוכאָווסקי — אַ דיפּלאָמאַט, אַ קינסטלער, עפּעס אַזעלכעס איז אין דיר.

— יאַ, ווען איך האָב זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, האָב איך אָנגעטאָהן אַ פראַק — האָט געענטפערט ווראָנסקי, לאַנגזאַם אַרויסנעהמענדיג זיין בינאָקל.

— דעריין זעהסט דוא בין איך דיר מקנא. ווען איך קעהר זיך צוריק פון אויסלאַנד און טהו אָן דאָס דאָזיגע — ער האָט אַ וויז געטאָהן אויף דיא אַקסעלבאַנטען — ווערט מיר פערדרוסליך פאַר מיין פרייהייט.

סערפּוכאָווסקי האָט זיך שוין לאַנג מיאש געוועזן פון ווראָנסקיס מיליטערישע טהעטיגקייט, ער האָט איהם אָבער געליעבט וויא אַמאָל און איז איצט געוועזן צו איהם בעזונדער ליעבליך.

— שאַדע, וואָס דוא האָסט פאַרשפּעטיגט דעם ערשטען אַקט.

ווראָנסקי האָט געהערט מיט איין אויער, האָט אָנגעשטעלט זיין בינאָקל אויפ'ן בעלעטאַזש און האָט בעקוקט דיא לאָזשעס. לעבען איין דאַמע אין אַ טיורבאַן און אַ פּליכעוואַטען אַלטינקען, האָט ווראָנסקי דערזעהען אַננאַס שטאָלצען קאָפּ, מיט איהר איבערראַשענדער שעהנקייט, אַ שמייכלענדע אין אַ ראַהם פון שפּיצען. געזעסען איז זיא צו פאַרענט און האַלב־אומגעקעהרט און האָט גערעדט מיט יאַשווינען. דיא שטעלונג פון איהר קאָפּ אויף דיא שעהנע און ברייטע אַקסלען און דער צוריקגעהאַלטען־אויפגערעגטער גלאַנץ פון איהרע אויגען און פון גאַנצען פּנים, האָט איהם דערמאָנט וויא זיא האָט אויך פּונקט אַזוי אויסגעזעהען אויפ'ן באַל אין מאָסקווע. ער האָט אָבער איצט גאָר אַנדערש געשפּירט דיא דאָזיגע שעהנהייט. אין זיין געפיהל צו איהר איז איצט קיין געהיימניספולעס ניט געוועזן, און דאַרום האָט איהר שעהנהייט אין דערזעלבער צייט אי צוגעצויגען איהם, אי בעליידיגט איהם. זיא האָט ניט געקוקט אין זיין זייט, אָבער ווראָנסקי האָט דערפיהלט, אַז זיא האָט איהם שוין געזעהען.

ווען ווראָנסקי האָט ווידער אָנגעשטעלט אין יענער זייט זיין בינאָקל, האָט ער בעמערקט וויא פירסטין וואַרוואַראַ איז עפּעס בעזונדער רויט, לאַכט אומנאַטירליך און קוקט זיך יעדע ווייַלע אום צו דער בענאַכבאַרטער לאָזשע; אננאַ אָבער האָט צונויפגעלייגט איהר פּעכער און קלאַפּענדיג מיט איהם אָן דעם רויטען זאַמעט, קוקט זיך עפּעס צו ערגעץ, אָבער זעהט ניט און וויל אַפּנים ניט זעהען וואָ[illegible] טהוט זיך אין דער בענאַכבאַרטער לאָזשע. אויף יאַשווינס פּנים איז געווען יענער אויסדרוק, וועלכער פּלעגט זיין אויף זיין פּנים, ווען ער פּלעגט פאַרשפּיעלען. ער האָט אַלץ ווייטער פערביסען אין מויל זיין לינקע וואָנצע און האָט קרומלעך געקוקט אויף דער בענאַכבאַרטער לאָזשע.

אין דער דאָזיגער לאָזשע צו לינקס זיינען געזעסען דיא קאַראַטאַכאָווס. ווראָנסקי האָט זיי געקענט און האָט געוואוסט אַז אננאַ איז מיט זיי געווען בעקאַנט. קאַראַטאַסאָווא, אַ מאָגערע קליינע ווייבעל, איז געשטאַנען אין איהר לאָזשע מיט'ן רוקען אומגעקעהרט צו אננאַ'ן, אָנטאָהנדיג איהר פּעלערינע, וועל־

בע דער מאַן האָט איהר דערלאַנגט. איהר פּנים איז געווען בלייך און בייז און זיא האָט גערעדט עפּעס אויפגערעגטערהייט. קאַראַטאַסאָוו, א דיקער, פּליי־כעוואַטער הערר, האָט יעדע ווײלע אומגעקוקט זיך צו אננא'ן און האָט געזוכט צו בערוהיגען זיין פרוי. אָבער אננא, א פּנים אומישנע ניט בעמערקענדיג איהם, האָט אָפּקעהרענדיג זיך אויף צוריק גערעדט עפּעס צו יאַשווינס אָנגעבויגענעם, געשווירענעם קאָפּ. קאַראַטאַסאָוו איז ארויסגעגאַנגען ניט פערנייגענדיג זיך צום אָבשיעד, און דיא לאָזשע איז געבליבען ליידיג.

ווראָנסקי האָט ניט פערשטאַנען וואָס נעמליך איז פּאָרגעקומען צווישען אננא און דיא קאַראַטאַסאָווס, אָבער ער האָט פערשטאַנען אַז עפּעס איז פּאָר־געקומען בעליידיגענדעס פאַר אננא'ן. וויסענדיג אַז עפּעס האָט פּאַסירט און ניט וויסענדיג וואָס, האָט ווראָנסקי געפיהלט א פּיינליכע אונרוהיגקייט און האָפּענדיג צו ערקונדיגען זיך עפּעס וועגען דעם, איז ער אריין צו זיין ברודער אין לאָזשע. ארויסגעהענדיג פון פּאַרטער האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף זיין געוועזענעם רעגימענטס־קאָמאַנדיר, וועלכער איז געשטאַנען מיט צוויי בעקאַנטע און האָט גערעדט. ווראָנסקי האָט געהערט וויא מען האָט דערמאָנט קאַרענינס נאָמען, און ער האָט בעמערקט וויא דער קאָמאַנדיר האָט מיט אימפּעט אָנ־גערופען דעם נאָמען ווראָנסקי און האָט א פּיעלדייטיגען בליק געטאָהן אויף דיא ריידענדע.

— א, ווראָנסקי! נו ווען־זשע א בעזוך דעם רעגימענט? מיר קאָנען דיך ניט אָבלאָזען אָהן א מאָהלצייט — האָט געזאָגט דער רעגימענטס־קאָמאַנדיר.

— שאַדע, איך וועל ניט האָבען גענוג צייט, אַן אַנדערש מאָהל — האָט געזאָגט ווראָנסקי און איז געלאָפען אויפ'ן טרעפּ צו דעם ברודער'ס לאָזשע.

דיא אַלטע גרעפין, ווראָנסקי'ס מוטער, איז געווען אין דעם ברודערס לאָזשע. וואַריא מיט פירסטין סאַראַקינא האָבען איהם בעגעגענט אין קאָרידאָר. בעגלייטענדיג פירסטין סאַראַקינא צו דער מוטער, האָט וואַריא דערלאַנגט איהר האַנד דעם שוואָגער און האָט גלייך מיט איהם אָנגעהויבען ריידען וועגען דאָס וואָס איהם האָט אינטערעסירט. זיא איז געווען צוטראָגען, וויא ער האָט איהר זעלטען געזעהען אין אַזא צושטאַנד.

— איך געפין אַז דאָס איז נידעריג און אָבשייליך און מאַדאַם קאַראַ־טאַסאָווא האָט ניט געהאַט קיין רעכט. מאַדאַם קאַרענינא... — האָט זיא אָנגעהויבען.

— אָבער וואָס? איך וויים קיין זאַך ניט.

— וויא, דו האָסט ניט געהערט?

— דוא פערשטעהסט דאָך, אַז איך וועל וועגען דעם דערהערען דער לעצטער.

— קאָן מען דען געפינען א בייזערע בעשעפענים, וויא דיא קאַראַ־טאַסאָווא!

— אָבער וואָס האָט זיא געטאָהן?

— מיר האָט מיין מאַן דערצעהלט... זיא האָט בעליידיגט קאַרענינא. איהר מאַן האָט אָנגעהויבען ריידען מיט איהר איבער'ן ראַנד פון לאָזשע, און

# אננא קארענינא

קאראטאסאָווא האָט איהם אויפגעשפּיעלט א סצענע. מען זאָגט, אַז זיא האָט געזאָגט עפּעס בעליידיגענדע ווערטער צו קארענינא און איז ארויס.

— גראף אייער מאמא רופט אייך — האָט געזאָגט פירסטין סאראקינא, ארויסקוקענדיג פון טיהר פון לאָזשע.

— און איך ווארט אַלץ אויף דיר — האָט איהם געזאָגט דיא מוטער, שפּאָסהאַפט שמייכלענדיג — מען זעהט דיך גאָר ניט.

— גוט אבענד, מאמא, איך בין געגאנגען צו אייך — האָט ער געזאָגט

— פאר וואָס געהסט דוא ניט אריין צו מאדאם קארענינא? — האָט דיא מוטער געזאָגט איהם ווען פירסטין סיראקינא האָט אַבגעטראָטען — עס איז דאך זעהר סענסאציאָנעל. איבער איהר פארגעסט מען אויף פּאטטין.

— מאמא, איך האָב אייך געבעטען, איהר זאָלט צו מיר וועגען דעם ניט ריידען — האָט ער געענטפערט אָנגעוואָלקענט.

— איך זאָג דאָס, וואָס אַלע זאָגען.

ווראָנסקי האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט געזאָגט בלויז עטליכע ווער־טער דער פירסטין סאראקינא און איז ארויס. אין טיהר פון לאזשע האָט איהם בעגעגענט דער ברודער.

— א, אַלעקסיי! — האָט געזאָגט דער ברודער — יואָס פאר א מיאוס'ע געשיכטע! א דומע ווייבעל, דאָס איז אַלעס... איך האָב דאָס נור־וואָס געוואָלט געהן צו איהר. לאָמיר געהן צוזאַמען.

ווראָנסקי האָט איהם ניט געהערט, ער איז מיט שנעלע טריט געגאנגען ארונטער; ער האָט געפיהלט, אַז ער דארף וואָס טאָהן, אָבער האָט ניט געוואוסט וואָס. ער איז געגאנגען גלייך צו אַננאַן. לעבען לאזשע האָט ער געפונען זיא שטעהענדיג מיט סטרעמאָווען אין א געשפּרעך.

— ניטאָ מעהר קיין טענאָרען — האָט ער געזאָגט איהר.

ווראָנסקי האָט איהר געגריסט און האָט זיך אָבגעשטעלט גריסענדיג סטרעמאָווען.

— איהר זייט, דוכט זיך, שפּעט געקומען צופאָהרען און האָט ניט גע־הערט דיא בעסטע אריע — האָט אננא געזאָגט צו ווראָנסקין, שפּאסענדיג, וויא איהם האָט זיך געדוכט.

— איך בין א שלעכטער מבין — האָט ער געזאָגט שטריינג קוקענדיג אויף איהר.

— גאָר וויא פירסט יאשווין — האָט זיא געזאָגט מיט א שמייכעל — וועלכער געפינט איין, אַז פּאטטי זינגט צו הויך.

און פּלוצלונג האָט איהר שעהנער פּנים א ציטער געטהאָן. זיא האָט זיך א קעהר געטאָהן און איז אריין אין לאזשע.

ביים צווייטען אַקט האָט ווראָנסקי באמערקט, אַז איהר לאָזשע איז גע־בליבען פּוסט. ער איז ארויס און איז אוועקגעפאָהרען אַהיים. אננאַ איז שוין געווען אין דער היים. ווען ווראָנסקי איז צו איהר אריין איז זיא געוועזן אין דרעזועלביגער קליידונג, אין וועלכער זיא איז געווען אין טהעאטער. ז א איז געזעכען אויף דעם ערשטען שטוהל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואנד און האָט געקוקט בעפּאָר

זיך. זיא האָט אויף איהם א קוק געטאָהן און איז געבליבען ווייטער זיצען אין דערזעלבער פּאָזע.

— אננא — האָט ער געזאָגט.

— דוא, דוא ביסט שולדיג אין אלעם! — האָט זיא אויסגעשריען מיט טרעהרען פון פערצווייפלונג אין איהר שטימע און האָט זיך אויפגעהויבען.

— איך האָב געבעטען זיך ביי דיר, דוא זאָלסט ניט פאָהרען, איך האָב געוואוסט, אז דיר וועט זיין אונאנגענעהם...

— אונאנגענעהם! — האָט זיא א געשריי געטאָהן — שרעקליך! וויא לאנג איך וועל לעבען וועל איך דאָס ניט פארגעסען. זיא האָט געזאָגט אז עס איז א שאנדע צו זיצען נאָהענט פון מיר.

— ווערטער פון א נארישער פּרויענצימער — האָט ער געזאָגט — אָבער צו וואָס ריזיקירען, ארויסרופען....

— איך האס דיין רוהיגקייט. דוא האָסט מיך ניט געדארפט ברייננגען צו אזא לאגע. ווען דוא וואָלסט מיך געליעבט....

— אננא, צו וואָס פּאסט זיך דאָ דיא פראגע וועגען מיין ליעבע?...

— יא, ווען דוא וואָלסט מיך געליעבט, וויא איך ליעב, ווען דוא וואָלסט געווען אזוי געפּייניגט, וויא איך בין... — האָט זיא א זאָג געטאָהן און האָט אויף איהם א קוק געטאָהן מיט אן אויסדרוק פון שרעק.

ער האָט אויף איהר רחמנות געהאט, פון דעסטוועגען האָט ער געפיהלט פערדרוס געגען איהר. ער האָט זיא פערזיכערט אין זיין ליעבע, ווארום ער האָט געזעהען אז בלויז דאָס אליין קאָן זיא בערוהיגען און ער האָט איהר קיין פאָרוואורף ניט געמאכט מיט ווערטער, אָבער ביי זיך אין הארצען האָט ער איהר געמאכט פאָרווירפע.

און יענע פערזיכערונגען פון ליעבע. וועלכע האָבען איהם אליין אויסגעזעהען אזוי ביליג, אז זיין געוויסען האָט געליטען ארויסריידענדיג זיי האָט זיא אריינגעזויגען אין זיך און האָט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט. אויף מאָרגען זיינען זיי שוין, פאָלשטענדיג פריעדען־געשלאָסענע, אוועקגעפאָהרען צו לאנד.

# אננא קארענינא

## זעקסטער טהייל.

### 1.

דאריא אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט איהרע קינדער פערבראַכט דעם זומער אין פּאָקראָווסקאָיע ביי איהר שוועסטער, קיטי לעווין. אין איהר אייגענעם מאַיאָנטעק איז דאָס הויז אין גאַנצען איינגעפאַלען, און לעווין מיט דער פרוי האָבען זיא איינגערעדט צו פערברייִנגען ביי זיי דעם זומער. סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש פלעגט קומען צופאָהרען צו בעזוך אויף א טאָג, אויף צוויי.

אויסער דיא אבלאנסקים מיט אַלע קינדער און מיט דער גאָווערנאַנטין איז דעם דאָזיגען זומער ביי לעווינען געוועזען צו גאַסט דיא אַלטע פירסטין, רעכענענדיג פאַר איהר פּפליכט אַכטונג צו געבען אויף דער אונערפאַהרענער טאָכטער, וועלכע געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע. אַ חוץ דעם האָט אויך קיטיס אויסלענדישע פריינדין וואַרענקאַ, ערפילט איהר פאַרשפּרעכען, צו בעזוכען קיטין, ווען זיא וועט זיין פערהייראַט. דאָס זיינען אַלץ געוועזען קרובים און פריינד פון לעווינס פרוי.

און אָבוואָהל ער האָט זיי אַלעמען געליעבט, האָט איהם אַביסעל פערדראָסען, וואָס זיין לעווינישע וועלטעל און אָרדנונג איז פערפלייצט געוואָרען פון דעם „שטשערבאַצקען עלעמענט“, וויא ער פלעגט זיך אַליין זאָגען. פון זיינע קרובים איז ביי איהם געוועזען צו גאַסט דעם דאָזיגען זומער בלויז איין סערגיי איוואַנאָוויטש, און דער איז אויך ניט געוועזען אַ מענש, וואָס דיינקט וויא לעווין, נור וויא ער, קאָזנישאָוו, אַזוי אַז לעווין'ס גייסט איז אין גאַנצען בטל געוואָרען.

אין לעווינס הויז, וואָס איז לאַנג געוועזען אַזוי פּוסט, זיינען איצט געוועזען אַזוי פיעל מענשען, אַז כמעט אַלע צימערען זיינען געוועזען פערנומען און כמעט יעדען טאָג איז דער אַלטער פירסטין אויסגעקומען זעצענדיג זיך ביים טיש איבערצעהלען אַלעמען און אָוועקזעצען דעם דרייצענטען, איהרע אַן אייניקעל, ביי אַ בעזונדער טישעל. קיטי, וועלכע האָט אויפמערקזאַם געזאָרגט איצט פאַר דער ווירטהשאַפט, האָט געהאַט גענוג עסק צו זעהען, אַז עס זאָלען זיין גענוג היהנער, אינדיטשקעס, ענטלעך, וועלכע מען האָט געדאַרפט זעהר פיעל צו פערדאַנקען דעם זומערדיגען אַפּעטיט ביי דיא קינדער.

דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז געזעסען צו מיטאָג. דאַלליס קינדער מיט דער גאָווערנאַנטין און מיט וואַריאַן האָבען געמאַכט פּלענער, וואוהין צו געהן זאַמלען שוועמלעך. סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכען אַלע האָבען בעזונדער רעספּעקטירט פאַר זיין גרויסען שכל און געלעהרזאַמקייט, האָט אַלעמען איבערראַשט דערמיט וואָס ער האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך וועגען דיא שוועמלעך.

— און נעהמט מיך אויך מיט. איך האָב זעהר ליעב צו געהן קלייבען

שוועמלעך — האָט ער געזאָגט קוקענדיג אויף וואַרענקאַ — איך געפין איין, אַז דאָס איז זעהר אַ גוטע בעשעפטיגונג.

— פאַר וואָס ניט, מיר זיינען זעהר גערן — האָט געענטפערט וואַרענקאַ רויט ווערענדיג. קיטי האָט זיך פיעלדייטיג איבערגעקוקט מיט דאַללי׳ן. קיטי האָט דערנאָך באַלד אָנגעהויבעןריידען מיט דער מוטער, מען זאָל ניט מערקען איהר פיעלדייטיגען בליק. נאָך מיטאָג האָט סערגיי איוואַנאָוויטש אַוועקגעזעצט זיך ביים פענסטער טרינקען קאַפּעע און האָט פאָרטגעזעצט מיט׳ן ברודער אַן אָנגעהויבענעם געשפּרעך; ער האָט אָבער יעדע ווייל אַ קוק געטאָהן אויף דער טיהר, פון וועלכער עס האָבען געדאַרפט ארויסגעהן דיא קינדער אום צו געהן נאָך שוועמלעך. לעווין האָט זיך צוגעזעצט לעבען דעם ברודער. קיטי איז געשטאַנען לעבען דעם מאַן, וואַרטענדיג אַפּנים ווען עס וועט זיך ענדיגען דער געשפּרעך, וואָס האָט איהר ניט אינטערעסירט, אום צו קאָנען זאָגען וואָס דעם מאַן.

— דוא האָסט זיך זעהר פיעל געענדערט זינט דיא האָסט חתונה געהאַט און געענדערט זיך צו בעסער — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש שמייכלענדיג צו קיטין — אָבער דוא ביסט געבליבען טריי צו דיין געוועזענער ליידענשאַפט, צו פאַרטהיידיגען דיא סאַמע פּאַראַדאָקסאַלע טהעמאַס.

— קאַטיאַ, פאַר דיר איז ניט גוט צו שטעהן — האָט געזאָגט דער מאַן דערלאַנגענדיג איהר אַ שטוהל און קוקענדיג אויף איהר מיט בעדייטונג.

— נו, יאַ, איבעריגענס, קיין צייט ניטאָ — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, דערזעהענדיג וויא דיא קינדער לויפען שוין ארויס.

פאָראויס פון אַלע קינדער איז געלאָפען טאַניאַ אין גאַלאָפּ און מיט אַ זייט, פאָכענדיג מיט׳ן קערבעל און מיט סערגיי איוואַנאָוויטשעס הוט. זיא איז דרייסט צוגעלאָפען צו סערגיי איוואַנאָוויטש און מיט בליציגע אויגען, וועלכע זיינען אַזוי עהנליך געוועזען צו דעם פאַטערס אויגען, האָט זיא איהם דערלאַנגט זיין הוט, מאַכענדיג זיך וויא זיא וואָלט דאָס איהם וועלען אָנטאָהן.

— וואַרענקאַ וואַרט — האָט זיא געזאָגט פאָרזיכטיג אָנטאָהנדיג איהם זיין הוט, פאַרשטעהענדיג פון זיין שמייכעל, אַז דאָס מעג מען.

וואַרענקאַ איז געשטאַנען אין טיהר, איבערגעטאָהן אין אַ געלע, קאַטונענע קלייד, מיט אַ ווייסען טיכעל אויפ׳ן קאָפּ.

— איך געה, איך געה, וואַרוואַראַ אַנדרעיעווּנאַ — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש דערטרינקענדיג זיין קאַפּעע און צולייגענדיג אין דיא קעשענעס זיין טאַשענטוך און זיין פּאָרטסיגאַר.

— וואָס פאַר אַ פּראַכט מיין וואַרענקאַ איז, האַ? — האָט קיטי געזאָגט צום מאַן, וויא נור סערגיי איוואַנאָוויטש איז אויפגעשטאַנען. זיא האָט דאָס געזאָגט אַזוי, אַז סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיא געקאָנט הערען, וואָס זיא האָט אַפּנים טאַקע געוועלט, — און וויא שעהן זיא איז, נאָבעל און שעהן! וואַרענקאַ!
— האָט צו איהר צוגעשריען קיטי — וועט איהר זיין אין מיהל־וואַלד? מיר וועלען צו אייך צופאָהרען.

— דוא פאַרגעסט אין גאַנצען אין וואָס פאַר אַן אומשטאַנד דוא ביסט —

האָט געזאָגט דיא אַלטע פירכטין, שנעל צוגעהענדיג צום טהיר — דוא טאָרסט אַזוי הויך ניט שרייען.

ווארענקא האָט דערהערט קיטי'ס שטימע און איהר מוטערס אויסרייד אין זיא איז מיט שנעלע, לייכטע טריט צוגעגאַנגען צו קיטין. דיא שנעלקייט פון איהר בעוועגונג, דער פארב, וואָס האָט בעדעקט איהר לעבהאַפט געוואָרענעם פּנים — אַלעס האָט געוויזען, אַז אין איהר קומט פאָר עפּעס אונגעוועהנליכעס. קיטי האָט געוואוסט וואָס דאָס אונגעוועהנליכע איז און זיא האָט אויפמערקזאַם געפאָלגט נאָך איהר. זיא האָט איצט גערופען ווארענקאַן בלויז צוליעב דעם אום צו בענשען זיא אין דיא געדאַנקען בעפאָר דער וויכטיגער בעגעבענהייט, וועלכע דאַרף געשעהען, לויט קיטים מיינונג, נאָך היינטיגען נאָכמיטאָג, אין וואַלד.

— ווארענקא, איך וועל אַזוי גליקליך זיין, אַיב אַ געוויסע זאַך וועט פּאַסירען — האָט זיא איהר שטילינקערהייט איינגעראָמט קושענדיג זיא.

— און איהר וועט מיט אונז געהן ? — האָט ווארענקאַ געזאָגט צו לעווינען, פיהלענדיג זיך אין פערלעגענהייט און מאַכענדיג זיך אַזוי וויא זיא וואָלט ניט הערען וואָס מען האָט איהר געזאָגט.

— איך וועל געהן, אָבער בלויז ביז'ן שייער, און דאָרט וועל איך בלייבען. און וואו וועסט דוא זיין ? — האָט ער געפרעגט קיטין.

— איך וועל זיין אויף דער טערראַסע.

## 2.

אויף דער טערראַסע האָט זיך פערזאַמעלט דיא גאַנצע ווייבערישע געזעלשאַפט. זיי האָבען אין אַלגעמיין געליעבט צו זיצען נאָך מיטאַג אָבער היינט האָבען זיי דאָרט געהאַט אויך אַן עסק; אויסער דיא האַנד־ארבייט אויסנעהען, שטריקען, זיינען זיי נאָך געווען בעשעפטיגט מיט קאָכען איינגעמאַכטס לויט אַ נייער מעטהאָדע, וועלכע איז פאַר אגאַפיא מיכאַילאָוונאַ געווען גאָר אַ נאָווינע, ניט צו גיסען קיין וואַסער. מען האָט איהר געוואָלט איבערציייגען, אַז אָהן וואַסער וועט דיא איינגעמאַכטס אַרויסקומען גוט.

אַגאַפיא מיכאַילאָוונאַ האָט מיט אַ צוהיצטען און בעליידיגטען פּנים מיט צופלאַנטערטע האָאר און פערקאַשערטע, מאָגערע הענד, געקוקט וויא עס פּרעגעלט זיך דיא מאַלינע און האָט געוואונשען פון גאַנצען הארצען, אַז דיא איינגעמאַכטס זאָל פערגליווערט ווערען און ניט אויסקאָכען זיך. דיא פירסטין, וועלכע איז געווען דיא הויפּט פערפיהרערקע פון דער נייער מעטהאָדע וויא צו פּרעגלען, האָט זיך געמאַכט וויא זיא קוקט ניט אין יענע זייט, ווארום געגען איהר איז געווען אָנגעווענדעט אגאַפיא מיכאַילאָווגאַס כעס, און זיא האָט זיך צורעדט וועגען עפּעס אַנדערעס.

— איך קויף אַלע מאָל אַליין צייג פאַר דיא מיידלעך — האָט געענדיגט דיא פירסטין דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך — שוין אפשר צייט איצט אראָב־

צונעהמען דעם שוים, ליבינקע — האָט זיא זיך אַ וועגר געטאָהן דערנאָך צו קיטי׳ן — דוא דאַרפסט דאָס גאָר ניט טהאָן אליין, עס איז איצט אַזוי הייס.

— איך וועל אַראָבנעהמען דעם שוים — האָט געזאָגט דאָללי און האָט פאַרזיכטיג אָנגעהויבען פיהרען מיט דער לעפעל פון אויבען איבער דעם שווימענדען צוקער, אָבקלאַפּענדיג דערנאָך דיא לעפעל אָן אַ טעלער. „וויא זיי וועלען דאָס לעקען מיט טהעע,“ האָט זיא געטראַכט בשעת מעשה וועגען איהרע קינדער, דערמאָנענדיג זיך וויא זיא פלעגט זיך וואונדערען, ווען זיא איז געוועזן אַ קליינע, פאַר וואָס דיא גרויסע האָבען קיין הנאה ניט צו עסען דעם שוים, דאָס בעסטע.

— נו, איצט איז דוכט זיך שוין פאַרטיג — האָט געזאָגט דאָללי, לאָזונדיג אַראָברינען דעם סיראָפּ פון לעפעל.

— דיא פּאַסקודנע פליעגען! — האָט בייז אַ זאָג געטהאָן אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ — עס וועט זיין אַלץ דאָסזעלביגע וויא געוועזן.

— אַך, וויא ליעבליך ער איז, שרעקט איהם ניט איבער! — האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטהאָן קיטי, קוקענדיג אויף אַ וואָראָביי, וועלכער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן פּאַרענצע, האָט איבערגעקעהרט אַ מאַלינע און האָט אָנגעהויבען פּיקען.

— יאַ, אָבער דוא וואָלסט זיך בעסער אָבגערוקט ווייטער פון פּאָן — האָט געזאָגט דיא מוטער.

— יאַ, איך האָב געוואָלט זאָגען וועגען וואַרענקאַן — האָט געזאָגט קיטי אויף פראַנצויזיש, אַז אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ זאָל ניט פאַרשטעהן — ווייסט איהר, מאַמאַ, אַז איך וואַרט עפּעס הייגט אָן ענטשיידונג. איהר פערשטעהט דאָך, אַ וועלכע ענטשיידונג. וויא גוט דאָס וואָלט געוועזן!

— אָבער וואָס פאַר אַ בריה אַ שדכנ׳טע דוא ביסט! — האָט געזאָגט דאָללי — וויא זיא פיהרט דאָס צונויף אַזוי פאָרזיכטיג און אַזוי פלינק...

— ניין, זאָגט מיר, מאַמאַ, וואָס טראַכט איהר וועגען דעם?

— וואָס איז פאַראַן צו טראַכטען? ער (ער, דאָס איז געוועזן סערגיי איוואַנאָוויטש) האָט אימער געקאָנט טהאָן דעם בעסטען שידוך אין רוסלאַנד; איצט איז ער שוין ניט אַזוי יונג, אָבער פון דעסטוועגען ווייס איך, אַז עס וואָלטען נאָך איצט פיעלע געוואָלט מיט איהם הייראַטען... זיא איז זעהר אַ גוטע, אָבער ער וואָלט געקאָנט...

— ניין, פאַרשטעהט דאָך, מאַמאַ, פאַר וואָס פאַר איהר און פאַר איהם קאָן קיין בעסערעס גאָר ניט זיין. ערשטענס — זיא איז אַזאַ פּראַכט! — האָט געזאָגט קיטי, פערבויגענדיג איין פינגער.

— זיא געפעלט איהם זעהר — דאָס איז אמת — האָט געזאָגט דאָללי.

— דערצו פאַרנעהמט ער אַזאַ שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, אַז ער דאַרף ניט קיין געלד, ניט קיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי׳ס זייט. ער דאַרף בלויז איינס — אַ גוטע, ליעבליכע, רוהיגע פרוי.

— אָ, מיט איהר קאָן מען שוין רוהיג זיין — האָט געזאָגט דאָללי.

— דאָס דריטע, אַז זיא זאָל איהם ליעבען. און דאָס איז... דאָס וואָלט געוועזן אַזוי גוט!... איך ערוואַרט אַז אָט וועלען זיי קומען פון וואַלד און אַלעס

וועט זיך שוין ענטשיידען; איך וועל גלייך זעהען פון דיא אויגען. דאס וואלט מיך אזוי פרעהען! וויא מיינסט דוא, דאללי?

— אבער רעג זיך דאך אזוי פיעל ניט אויף. דוא דארפסט גאר קיין אויפרעגונג ניט האבען — האט געזאגט דיא מוטער.

— ווער רעגט זיך דען אויף, מאמא. מיר דוכט, אז ער וועט נאך היינט מאכען איהר א פארשלאג.

— אך, דאס איז אזוי זאנדערבאר, וויא און ווען א מאנספערזאן ער־קלעהרט זיך... עס איז פאראן עפעס א צאהם און פלוצלונג ברעכט ער זיך דורך — האט געזאגט דאללי, פערטראכט שמייכלענדיג און עראינערענדיג זיך איהר פערגאנגענהייט מיט סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— מאמא, וויא האט זיך פאר אייך דער פאפא ערקלעהרט? — האט פלוצלונג קיטי א פרעג געטהאן.

— קיין אונגעוועהנליכעס איז דעריין ניט געוועזן, זעהר איינפאך — האט געענטפערט דיא פירסטין, אבער איהר פנים האט אנגעהויבען צו שיינען ביי דער דאזיגער עראינערונג.

— ניין, אבער וויא אזוי? איהר האט דאך איהם פון דעסטוועגען גע־ליעבט, איידער מען האט אייך ערלויבט צו ריידען?

קיטי האט געהאט א בעזונדער הנאה, וואס זיא קאן איצט מיט דער מאמען ריידען וועגען דיא דאזיגע וויכטיגע פראגע אין דעם לעבען פון א פרוי, וויא מיט איהר גלייכען.

— געוויס האט ער געליעבט, ער פלעגט אונז בעזוכען צו לאנד.

— אבער וויא האט זיך דאס ענטשיעדען, מאמא?

— דוא מיינסט דאך מסתמא, אז איהר האט עפעס נייעס אויסגעטראכט. דאס איז אלעס דאסזעלביגע: עס האט זיך ענטשיידען מיט דיא בליקען, מיט דיא שמייכלען...

— וויא גוט איהר האט דאס געזאגט, מאמא! ווירקליך מיט דיא אויגען און מיט דיא שמייכלען — האט בעשטעטיגט דאללי.

— אבער וועלכע ווערטער האט ער געזאגט?

— וועלכע ווערטער האט דיר קאסטיא געזאגט?

— ער האט געשריעבען מיט קרייד. דאס איז געוועזן וואונדערליך... מיר דאכט זיך, אז דאס איז שוין געוועזן אזוי לאנג! — האט זיא געזאגט.

און דריי פרויען האבען זיך פערטראכט וועגען דאסזעלביגע. קיטי האט דיא ערשטע איבערגעריסען דאס שווייגען. זיא האט זיך איצט דערמאנט אויף דעם גאנצען לעצטען ווינטער פאר איהר חתונה און וויא זיא איז היינגעצויגען געוואָרען פון ווראנסקי'ן.

— איינס בלויז... דאס דאזיגע פאריגעס געפיהל ווארענקאס — האט זיא געזאגט דערמאנענדיג זיך וועגען דעם דורך א נאטירליכען צוזאמענהאנג פון דיא געדאנקען — איך האב געוואלט וויא ניט איז זאגען וועגען דעם עפעס סערגיי איוואנאוויטשען, פארצוברייטען איהם. זיי זיינען דאך אלע, אלע מאנס־ליים זיינען דאך שרעקליך אייפערזיכטיג אויף אונזער פערגאנגענהייט.

# אננא קארענינא

— ניט אלע — האָט זיך אָבגערופען דאללי — דוא אורטהיילסט דאָס פון דיין מאַן. ער ווערט נאָך ער היום געמאַטערט פון דיא עראינערונגען וועגען ווראָנסקי'ן. יא? אפשר ניט אמת?

— אמת — האָט געענטפערט קיטי שמייכלענדיג מיט איהרע פערטראכטע אויגען.

— אָבער איך וויים גאָר ניט — האָט זיך איינגעשטעלט דיא פירסטין־מוטער פאר איהר מוטערליכער שמירה איבער איהר טאָכטער — וויא אזוי קאָן דאָס דיין פערגאַנגענהייט איהם בעאונרוהיגען? וואָס ווראָנסקי האָט זיך אין דיר פערליעבט? דאָס איז א זאך וואָס פאַסירט מיט יעדע מיידעל.

— נו, דאָך ניט וועגען דעם ריידען מיר — האָט געזאָגט קיטי רויט ווע־רענדיג.

— ניין, ערלויב נור — האָט פאָרטגעזעצט דיא מוטער — דוא האָסט דאָך אליין מיר גאָר ניט ערלויבט אפילו צו האָבען א געשפּרעך מיט ווראָנסקי'ן. געדיינקסט דוא?

— אך, מאַמאַ! — האָט קיטי ניט געוועלט ליידען.

— היינט קאָן מען דאָס איך איינהאַלטען.... דיינע בעציהונגען האָבען ניט געקאָנט פאַרגעהן ווייטער אלס עס פּאַסט; איך וואָלט אליין פון איהם פאָ־דערן אן ערקלעהרונג. איבעריגענס אָבער איז דיא גאַנצע זאך ניט ווערטה דוא זאָלסט דערפּון האָבען פערדרוס. איך בעט דיך, געדיינק דאָס און בערוהיג זיך.

— איך בין פאָלשטענדיג רוהיג, מאַמאַ.

— וואָס פאר א גליק דאָס איז דאן געוועזען פאר קיטין, וואָס אננא איז דאן געקומען צו פאָהרען — האָט געזאָגט דאללי — און וואָס פאר אן אונגליק דאָס איז געוועזען פאר איהר אליין. וויא אלעס איז ארויסגעקומען פארקעהרט. דאן איז אננא געוועזען גליקליך און קיטי האָט זיך גערעכענט אונגליקליך, און איצט איז פארקעהרט! זיא קומט מיר אָפט ארויף אויפ'ן זינען.

— פאַראן וועגען וועמען צו טראכטען! א פּאַסקודנע, אבשטויסענדע פּרויענצימער, אָהן א הארץ — האָט געזאָגט דיא מוטער, וועלכע האָט ניט גע־קאָנט פארגעסען, וואָס קיטי האָט חתונה געהאַט מיט לעווינען און ניט מיט ווראָנסקי'ן.

— וואָס פאר א פארגעניגען האָט איהר וועגען דעם צו ריידען — האָט פערדרוסליך געזאָגט קיטי — איך טראכט וועגען דעם ניט און וויל וועגען דעם ניט טראכטען.... און וויל וועגען דעם ניט טראכטען — האָט זיא ווידערהאָלט צוהערענדיג זיך צו בעקאַנטע טריט.

— וועגען וואָס איז דאָס: און וויל וועגען דעם ניט טראכטען? — האָט א פרעג געטאָהן לעווין צוקומענדיג.

אָבער קיינער האָט איהם ניט געענטפערט און ער האָט שוין נאָך אמאָל ניט געפרעגט.

— מיך פּאַרדריסט וואָס איך האָב צושטערט אייער ווייבערשע מלוכה— האָט ער געזאָגט, בעקוקענדיג אלעמען מיט אונצופריעדענהייט, וואָס זיי האָבען

גערעדט אָהן איהם אזעלכעס, וואָס זיי ווילען ניט ריידען פאַר איהם. ער האָט אָבער פון דעסטוועגען א שמייכעל געטאָהן און איז צוגעגאנגען צו קיטין.

— נו, וואָס? — האָט ער איהר א פרעג געטאָהן קוקענדיג אויף איהר מיט דעמזעלביגען אויסדרוק, וויא אַלע פלעגען זיך ווענדען צו איהר.

— קיין זאַך ניט, זעהר גוט — האָט מיט א שמייכעל געזאָגט קיטי — און וויא געהט עס מיט דיר?

— יא, מען פיהרט דריי מאָהל אזוי פיעל אריין וויא מיט פוהרען. ווע̇לען מיר פאָהרען נאָך דיא קינדער? איך האָב געהייסען איינשפּאַנען.

— וואָס־זשע, ווילסט דוא פיהרען קיטין אויף א פראָסטען וואָגען? — האָט דיא מוטער געפרעגט מיט פאָרוואורף.

— יא, אָבער מען פאָהרט דאָך טריט ביי טריט, פירסטין.

לעווין האָט קיין מאָהל ניט גערופען דיא פירסטין מאמא, וויא דאָס טהוען געוועהנליך איידימס און דאָס האָט דער פירסטין ניט געשמעקט. אָבער לעווין האָט ניט געקאָנט פארלעצען זיינע געפיהלען צו זיין פערשטארבענער מוטער און צו רופען דיא פירסטין מאמא.

— פאָהרט אויך מיט אונז, מאמא — האָט קיטי געזאָגט.

— איך וויל ניט קוקען אויף אזעלכע נאַנגען.

— נו, וועל איך גאָר געהן צופוס. דאָס איז דאָך פאַר מיר געזונד.

קיטי האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צום מאַן און האָט איהם אָנגענומען פאַר דער האַנד.

— געזונד, אָבער אַלץ איז גוט מיט א מאָס — האָט געזאָגט דיא פירסטין.

— נו, וואָס, אגאפיא מיכאילאָוונא, איז שוין פארטיג דאָס איינגעמאַכטס — האָט געזאָגט לעווין צושמייכלענדיג צו אגאפיא מיכאילאָוונא און וועלענדיג איהר פרעהליך מאַכען — האלסט דוא, אז דאָס איינגעמאַכטס איז גוט אזוי אויף דעם נייעם אופן?

— מסתמא איז דאָך גוט. אָבער נאָך אונזער מיינונג איז עס איבער־געקאָכט.

— אזוי איז בעסער, אגאפיא מיכאילאָוונא: נישטקשה, עס וועט ניט זויער ווערען, עס וועט שטעהן אויפ'ן אייז, ווארום ביי אונז איז דאָך דער אייז גאָר אומזיסט — האָט געזאָגט קיטי שמייכלענדיג.

אגאפיא מיכאילאָוונא האָט א ברוגז'ע א קוק געטאָהן אויף קיטי.

— איהר דאַרפט מיך ניט טרויסטען, פּריצתה, איך גיב א קוק אויף א י י ך מ י ט א י ה ם וועדט מיר פרעהליך — האָט זיא געזאָגט און דאָס דאָזיגע גראָבע בענעהמונג, וואָס זיא האָט געזאָגט מיט א י ה ם און ניט מיט ז י י האָט קיטין פאַרלעצט.

— פאָהרט מיט אונז נאָך שוועמלעך, איהר וועט אונז בעווייזען דעם פּלאַץ.

אגאפיא מיכאילאָוונא האָט א שמייכעל געטאָהן, וויא זיא וואָלט זאָגען: איך וואָלט וועלען אויף אייך אין כעס זיין, קאָן איך ניט.

— טהוט, זייט אזוי גוט, וויא איך גיב אייך אן עצה — האָט געזאָגט דיא

# אננא קארענינא

אלטע פירסטין — דעקט צו דאס איינגעמאכטס מיט א פאפיער, אנגעווייקט אין ראם, וועט עס אהן אייז אויך קיין מאל ניט פערשימעלט ווערען.

## 3.

קיטי איז געוועזען גערן פון דעם צופאל צו זיין אויג אויף אויג מיט'ן מאן. וואָרום זיא האט בעמערקט וויא א שאטען פון פערדרוס איז דורכגעלאָפען אויף זיין פנים אין דעם מאמענט בעת ער איז ארויף אויף דער טערראסע און האט געפרעגט וועגען וואס זיי ריידען און זיי האבען איהם ניט געענטפערט.

ווען זיי זיינען ארויס צו־פוס פריהער פאר דיא אנדערע און זיינען ארויף אויף דעם שטויביגען וועג, אויף וועלכען עס זיינען געווען פערשפאטען זאנגען און זאמען, האט זיך קיטי פעסטער אנגעלעהנט אויף זיין האנד און האט זיא צוגעדריקט צו זיך. ריידען איז ניט געוועזען וועגען וואס, אבער איהם האט זיך געוועלט הערען דעם קלאנג פון איהר שטימע און זעהען איהר בליק, וועלכער האט זיך געענדערט איצט ווען זיא איז אין אומשטענדען. אין איהר שטימע, וויא אין איהר בליק, איז געוועזען עפעס ווייכעס און ערנסטעס, וויא עס איז ביי מענשען, וועלכע זיינען קאנצענטרירט שטענדיג אויף איין געליעבטען געגענשטאנד.

— וועסט דוא ניט מיעד ווערען? לעהן זיך אן מעהר — האט ער געזאגט.

— ניין, איך בין אזוי גערן פון דער געלעגענהייט צו זיין אליין מיט דיר, און איך מוז דעם אמת זאגען, אז איך פיהל זיך ניט גוט מיט זיי; איך בײנק נאך אונזערע ווינטער־אבענדען, ווען מיר פלעגען זיין בלויז באנאנד.

— דעמאלט איז געוועזען גוט, און איצט איז נאך בעסער. ביידע בעסער,— האט ער געזאגט, דריקענדיג איהר האנד.

— ווייסט דוא וועגען וואס מיר האבען גערעדט, ווען דוא ביסט אריין?

— וועגען איינגעמאכטס?

— יא, וועגען איינגעמאכטס אויך; נור דערנאך וועגען דעם, וויא מען ערקלעהרט זיך אין ליעבע.

— א — האט געזאגט לעווין, הערענדיג מעהר דעם קלאנג פון איהר שטימע אלס דיא ווערטער, וועלכע זיא האט גערעדט, טראכטענדיג דיא גאנצע צייט פון'ם וועג, וועלכע האט זיך געצויגען איצט דורכאויס דורכ'ן וואלד, און אויסמיידענדיג יענע פלעצער, וואו זיא קאן ניט פעסטע טריט שטעלען.

— און וועגען סערגיי איוואנאוויטש און וועגען ווארענקא'ן האסט דוא עפעס באמערקט.... איך ווינש אזוי, אז דאס זאל געשעהען — האט זיא פארט־געזעצט — וויא דיינקסט דוא וועגען דעם? — און זיא האט א קוק געטאהן איהם אין פנים.

— איך וויים ניט וואס צו טראכטען — האט מיט א שמייכעל געענט־

פערט לעווין — סערגיי איז אין דיעזער הינזיכט זעהר זאָנדערבאַר. איך האָב דאָך דיר דערצעהלט....

— יא, אז ער איז געווען פאַרליעבט אין יענעם מיידעל, וועלכע איז געשטאָרבען...

— דאָס איז געוועזען ווען איך בין נאָך געוועזען א קינד; איך ווייס דאָס פון דעם וואָס מען האָט דערצעהלט. איך געדיינק וויא ער האָט דעמאָלט אויסגעזעהען. ער איז וואונדערבאַר ליעבליך געווען. נור פון יענער צייט מערק איך איהם ווען ער איז מיט פרויענצימער: ער איז העפליך; איינינע געפעלען איהם, אָבער דוא פיהלסט אז זיי זיינען פאַר איהם עפּעס פשוט מענשען און ניט קיין פרויענצימער.

— יא, אָבער איצט, צווישען איהם און ווארענקא... איז עפּעס...

— עס קאָן זיין.... אָבער מען דאַרף איהם קענען... ער איז גאָר א מין בעזונדער מענש, א וואונדערליכער מענש. ער לעבט בלויז א גייסטיגען לעבען. ער איז א מענש א זעהר ריינער און מיט א הויכער נשמה.

— ווען דאָס דען איהם ערניעדריגען?

— ניין, אָבער ער איז אזוי געוועהנט געוואָרען צו פיהרען בלויז א גייסטיגען לעבען, אז ער קאָן ניט פריעדען־שליסען מיט דער ווירקליכקייט, און ווארענקא איז דאָך נאָך אַלעמען א ווירקליכקייט.

לעווין איז שוין געוועהנט געוואָרען איצט דרייסט ארויסצוזיידען זיינע געדאַנקען; ער האָט געוואוסט, אז אין אַזעלכע מינוטען פון ליעבע וועט זיין פרוי פאַרשטעהן וואָס ער וויל זאָגען, און זיא האָט איהם פערשטאַנען.

— יא, אָבער אין איהר איז ניטאָ דיא דאָזיגע ווירקליכקייט וויא אין מיר; איך פאַרשטעה אז מיך וואָלט ער קיין מאָל ניט געקאָנט ליעבען. זיא איז דורכאויס א גייסטיגע.

— א, ניין, ער האָט דיך אזוי ליעב, און מיר איז עס אימער אנגענעהם, וואָס מיינע האָבען דיך אזוי ליעב...

— יא, ער איז גוט צו מיר, אָבער... וויא מיינסט דוא, ער קאָן זיך גאָר ניט פערליעבען? — האָט געזאָגט קיטי.

— איך מיין ניט, אז ער קאָן זיך גאָר ניט פערליעבען — האָט שמייכלענדיג געזאָגט לעווין — אָבער ער האָט ניט דיא שוואַכקייט, וועלכע מען דאַרף... איך האָב איהם תמיד מקנא געווען און אפילו איצט בין איך איהם מקנא; איצט, ווען איך בין אזוי גליקליך, פון דעסטוועגען בין איך איהם מקנא.

— דוא ביסט איהם מקנא וואָס ער קאָן זיך ניט פערליעבען?

— איך בין מקנא דאָס, וואָס ער איז א בעסערער מענש פון מיר — האָט שמייכלענדיג געזאָגט לעווין — ער לעבט ניט פון זיך וועגען. זיין גאַנצער לעבען איז אונטערוואַרפען פפליכטען. און דארום קאָן ער אימער זיין רוהיג און צופריעדען.

— און דוא? — האָט מיט א שפּאַסהאַפטען שמייכעל געפרעגט קיטי — מיט וואָס ביסט דוא אונצופריעדען?

— איך בין גליקליך, אָבער איך בין אונצופריעדען מיט זיך... — האָט ער געענטפערט.

— וויא־זשע קאָנסט דוא זיין אונצופריעדען, אַז דוא ביסט גליקליך?

— דאָס הייסט, וויא זאָל איך דאָס זאָגען?... אין אמת'ן פערלאַנג איך גאָרנישט, אויסער אַז דוא זאָלסט נים געשטרויכעלט ווערן. אך, מען קאָן דאָך אַזוי נים שפּרינגען! — האָט ער איבערגעריסען זיין געשפּרעך מאַכענדיג איהר אַ פאָרוואורף פאַר וואָס זיא האָט געמאַכט אַ צו שנעלע בעוועגונג, איבערשפּריי־זענדיג אַריבער אַ צווייג, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד — אָבער ווען איך טראַכט וועגען זיך און פערגלייך זיך מיט אַנדערע, בעזונדער נאָך, מיט מיין ברודער, פיהל איך, אַז איך טויג נים.

— פאַר וואָס אָבער? טהוסט דוא דען אויך נים פון אַנדערע וועגען? און וואָס איז דיין בוך, דיין קאָמונאַלע ווירטהשאַפט?...

— ניין, איך פיהל בעזונדערנס נאָך איצט; יא, דוא ביסט שולדיג — האָט ער געזאָגט פעסטער צודריקענדיג צו זיך איהר האַנד — עס איז עס נים דאָס. איך טהו דאָס אַזוי, סתם זיך. ווען איך וואָלט געקאָנט ליעבען דאָס וואָס איך טהו, וויא איך ליעב דיך.... אָבער איך טהו דאָס עפּעס, וויא מען לעהרענט אַ פאַרגעבענע לעקציאָן.

— און וואָס ווערסט דוא זאָגען וועגען מיין טאַטען? — האָט געפרעגט קיטי — וואָס־זשע טויג ער אויך נים, ווייל ער האָט קיין זאַך נים געטאָהן לטובת הכלל?

— ער? — ניין. אָבער דערצו דאַרף מען דאָך זיין אַזוי איינפאַך, קלאָהר און גוט, וויא דיין פאַטער איז. האָב איך דען דאָס? איך טהו גאָרנישט און בין געמאַטערט. און דאָס איז אַלעס איבער דיר. ווען דוא ביסט נים געוועזן און עס איז נים געוועזן נאָך דאָס ד אָ ז י ג ע — האָט ער געזאָגט מיט אַ בליק אויף איהר בויך, וואָס זיא האָט פערשטאַנען, — האָב איך אַלע מיינע קרעפטען אַריינ־געלייגט אין מיין אַרבייט. און איצט קאָן איך נים און מיך פּלאָגט מיין געוויסען; איך טהו עפּעס וויא מען טהוט אַ פאַרגעבענע לעקציאָן, איך פאַרשטעל זיך בלויז...

— נו, וואָלסט דוא זיך איצט וועלען בייטען מיט סערגיי איוואַנאָוויטש?— האָט געזאָגט קיטי — וואָלסט דוא בעסער וועלען טאָהן דאָס וואָס דוא ווילסט לטובת הכלל אַזוי וויא ער און בענוגענען זיך?

— געוויס נים — האָט געזאָגט לעווין — איבעריגענס בין איך איצט גליקליך, איך בין אַזוי גליקליך, אַז איך פאַרשטאַה קיין זאַך נים. און דוא דיינקסט, אַז ער וועט היינט איהר מאַכען אַן ערקלעהרונג? — האָט ער געפרעגט נאָך אַ ווייַלע שווייגען.

— איך דיינק אַז פיעלייכט יא און פיעלייכט נים. אָבער איך וואָלט זעהר געוואונשען. אָט וואַרט — זיא האָט זיך אָנגעבויגען און האָט אָבגעריסען אויפ'ן ראַנד פון וועג ווילדע ראַמאַשקע — נו, צעהל: וועט מאַכען אַן ערקלעהרונג, וועט נים מאַכען קיין ערקלעהרונג — האָט זיא געזאָגט, דערלאַנגענדיג איהם דאָס בליהמעל.

— וועט ניט מאַכען, וועט ניט מאַכען — האָט געזאָגט לעווין, אַברייסענ־דיג צו יעדען מאָהל זאָגען דיא ווייסע, שמאָלינגע בלעטעלעך.

— ניין, ניין! — האָט איהם אַ כאַפּ געטאָהן פאַר דער האַנד קיטי און האָט איהם אָבגעשטעלט, נאָכפאָלגענדיג אונרוהיג דיא בעוועגונג פון זיינע פינ־גער — דוא האָסט אָבגעריסען צוויי אויף אַמאָל.

— נו, דערפאַר וועלען מיר דאָס דאָזיגע קליין בלעטעלע ניט רעכענען — האָט געזאָגט לעווין — און אָט האָט אונז שוין אָנגעיאָגט דיא פוהר.

— ביסט דוא ניט מיעד, קיטי? — האָט צוגעשריען צו איהר דיא פיר־סטין זיצענדיג אויפ'ן וואָגען.

— קיין האָאר ניט.

— וואָלסט דוא זיך בעסער זעצען, אויב דיא פערד זיינען רוהיגע און געהען טריט ביי טריט

אָבער עס איז שוין ניט געווען כדאי צו זעצען זיך, עס איז שוין געווען נאָהענט און אַלע זיינען איצט געגאַנגען צו־פוס.

## 4.

וואַרענקא איז געווען זעהר אנציהענד אין איהר ווייסען טיכעל אויף דיא שוואַרצע האָאר, אַן ארומגערינגעלטע פון דיא קינדער און אביסעל אַ צורודערטע פון דער מעגליכקייט, אַז דער מאַנספּאַרשוין, וואָס געפעלט איהר אזוי זאָל מאַכען אַן ערקלעהרונג. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געגאַנגען גלייך לעבען איהר און האָט ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף איהר מיט הנאה. קוקענדיג אויף איהר האָט ער זיך ערמאָנערט אַלע קלוגע רייד, וועלכע ער האָט געהערט פון איהר, אַלעס גוטעס וואָס ער האָט געוואוסט וועגען איהר, און האָט אַלץ מעהר און מעהר געשפּירט, אַז יענעס געפיהל, וואָס האָט זיך אין איהם ערוועקט צו איהר, איז עפּעס בעזונ־דערעס, עפּעס אַזעלכעס וואָס ער האָט געפיהלט שוין לאַנג, לאַנג צוריק און בלויז איין מאָהל, אין זיין ערשטער יוגענד.

דאָס געפיהל פון פרייד צו זיין נאָהענט צו איהר האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז ווען ער האָט איהר דערלאַנגט אַ גרויסען בעראָ־זאָווען שוועמעל, וועלכען ער האָט געפונען, האָט ער אַ קוק געטאָהן איהר אין דיא אויגען און, באַמערקענדיג וויא איהר פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ פאַרב פון פרייד און צושראָקענע אונרוהיגקייט, האָט ער זיך אליין עפּעס וויא צומישט און האָט צו איהר אַ שמייכעל געטאָהן שווייגזאַם מיט אזא שמייכעל, וועלכער האָט צו קלאָהר גערעדט.

„אויב אזוי — האָט ער זיך געזאָגט — דאַרף איך בעטראַכטען און בע־שליסען — און ניט איבערגעבען זיך וויא אַ אינגעל, דער מאָמענטאַלער הינ־רייסונג.“

# אננא קארענינא

— איך וועל איצט געהן אונאבהענגיג פון אלעמען שוועמלעך זאמלען, ווארום אזוי איז ניט צו בעמערקען וויפיעל איך קריג — האט ער געזאגט און איז אוועק אליין. אבגעהענדיג א טריט פערציג אין וואלד און דערזעהענדיג א פול־בליהענדען קוסט מיט ראזיג־רויטע בלימלעך, האט סערגיי איוואנאוויטש זיך אבגעשטעלט, וויסענדיג אז מען זעהט איהם ניט. ארום איהם איז געווען פאלשטענדיג שטיל. נור אין דער הייך, אויף שפיצען פון דיא בעריאזעס, אונטער וועלכע ער איז געשטאנען האבען אהן אויפהער געהוזשעט דיא פליגען און וויילעווייז פלעגען זיך צוטראגען דיא קולות פון דיא קינדער.

פלוצלונג האט זיך פון גאר ניט וויט, פון ברעג וואלד דערהערט קלינגענד ווארענקאס קאנטאלטע שטימע, וועלכע האט גערופען גרישאן, און א פרעהלעכער שמייכעל איז ארויסגעטראטען אויף סערגיי איוואנאוויטשעס פנים. דערקענענדיג וואס דער דאזיגער שמייכעל איז האט סערגיי איוואנאוויטש א שאקעל געטאהן מיט'ן קאפ געגען זיך אליין און, ארויסנעהמענדיג א סיגאר, האט ער גענומען פעררויכערן. לאנג האט ער ניט געקאנט אנצינדען א שוועבעלע אן דעם שטאם פון דער בעריאזע. דיא איידעלע הייטעל פון דער ווייסער קארע האט זיך ארומגענומען ארום דאס שוועבעל און האט זיך געלאשען. ענדליך האט זיך איינס פון דיא שוועבעלעך אנגעצונדען, און דער שמעקעדיגער רויך פון סיגאר האט זיך וויגענדיג ברייט א ציה געטאהן פארווערטס און ארויפצו איבער דעם קוסט, אונטער דיא צווייגען פון דער בעריאזע. פאלגענדיג מיט דיא אויגען נאך דעם פאס רויך איז סערגיי איוואנאוויטש געגאנגען מיט שטילע טריט בעטראכטענדיג זיין צושטאנד.

„פאר וואס טאקע ניט? — האט ער געטראכט — ווען דאס וואלט געווען אן אויפפלאמונג אדער ליידענשאפט, אויב איך וואלט געפיהלט בלויז אזא צוציהונג, דאס דאזיגע געמיינשאפטליכע (איך מעג זאגען ג ע מ י י נ ש א פ ט ל י כ ע) צוציהונג, נור איך וואלט פיהלען, אז דאס איז געגען דעם גאנצען גאנג פון מיין לעבען, ווען איך וואלט פיהלען אז ווען איך גיב זיך איבער דער דאזיגער צוציהונג בלייב איך אונטריי צו מיין בערוף און צו מיין פפליכט... אבער דאס איז דאך ניט אזוי. איינס, וואס איך קאן זאגען געגען דעם, איז דאס, וואס פערלירענדיג מאריע, האב איך זיך געזאגט, אז איך וועל טריי בלייבען איהר אנדיינקען. דאס איז דאס איינציגע וואס איך קאן ארויסשטעלען געגען מיין געפיהל.... דאס איז וויכטיג“, האט זיך געזאגט סערגיי איוואנאוויטש, פיהלענדיג אין דערזעלביגער צייט, אז אזא גרונד האט פאר איהם פערזענליך ניט געקענט האבען קיין וויכטיגע בעדייטונג, און האט בלויז אין דיא אויגען פון אנדערע געשעדיגט זיין פאעטישע ראלע. „אבער אויסער דעם, וויפיעל איך זאל ניט זוכען וועל איך גארנישט געפינען וואס צו זאגען געגען מיין געפיהל. ווען איך זאל אפילו אויסקלייבען בלויז מיט'ן שכל, וואלט איך קיין בעסערעס ניט געקאנט געפינען!“

וויפיעל ער האט ניט דערמאנט זיך אויף פרויען און מיידלעך, האט ער ניט געקענט געפינען אין זיין עראינערונג קיין מיידעל, אין וועלכער עס זאל זיין פעראייניגט אלע מעלות, וועלכע ער האט געוועלט זעהען אין א פרויענצימער. אין איהר איז געווען דיא גאנצע פרישקייט און קראפט פון יוגענד, אבער איז ניט געווען קיין קינד און אויב זיא האט איהם געליעבט, האט זיא געליעבט מיט בע־

וואוסטזיין, וויא א פרויענצימער דארף ליעבען: דאס איז געוועזן איינס. צוויי־טענס: זיא איז געוועזן אזוי ווייט פון דער געזעלשאפטס־וועלט, האט זאגאר ניט געקאנט ליידען דיא דאזיגע וועלטליכקייט און אין דערזעלבער צייט האט זיא געהאט אלע פיינע מאניערען פון א פרוי פון דער בעסערער געזעלשאפט, אהן וועלכע פאר סערגיי איוואנאוויטשען וואלט ניט מעגליך זיין צו מאכען אזא פאר זיין לעבענס־פריינדין. דריטענס: זיא איז געוועזן רעליגיעז און ניט סתם רעליגיעז און גוט וויא א קינד, וויא עס איז צ. ב. ש. געוועזן קיטי, נור איהר לעבען איז געוועזן בעגרינדעט אויף רעליגיעזע איבערצייגונגען.

סערגיי איוואנאוויטש איז דערגאנגען ביז דיא מינדעסטע איינצעלהייטען אין צונעהמען איהר כאראקטער און האט אין איהר געפונען אלעס דאס וואס ער וואלט פאדערן פון א פרוי: זיא איז געוועזן ארעם און עלענד, אזוי אז זיא וועט ניט ברייננען מיט זיך א גאנצע מאסע קרובים און זייער איינפלוס אין דעם מאן'ס הויז, וויא דאס טהוט קיטי, נור זיא וועט אין אלעס פיהלען זיך פערפליכטעט צום מאן. און דאס דאזיגע מיידעל, וואס האט אין זיך געהאט דיא אלע מעלות, האט איהם געליעבט. ער איז בעשיידען, אבער ער האט דאך דאס ניט געקאנט ניט זעהען. און ער האט זיא אויך ליעב. איין זאך איז פיעלייכט געוועזן געגען דעם — זיינע יאהרען. אבער זייער משפחה איז א לאנג־לעבענדע; ער האט ניט געהאט קיין איין גרויע האאר, קיינער האט איהם ניט געהאלטען אפילו אין פערציג יאהר, און ער געדיינקט, אז ווארענקא האט עפעס אמאל געזאגט, אז אין רוסלאנד רעכענען זיך פופציג יאהריגע מענשען אלט, און אין פראנקרייך רעכענט זיך א פופציג יאהריגער מאן אין דיא רעכטע קרעפטיגע יאהרען, און א פערציג־יאהריגער אלס א יונגערמאנטשיק. אבער וואס האט איבערהויפט פאר א זינען צו רעכענען זיך אין יאהרען, ווען ער פיהלט זיך גייסטיג יונג, וויא ער איז געוועזן מיט צוואנציג יאהר צוריק? איז דאס געפיהל גופא, וועלכער האט זיך אין איהם ערוועקט ניט קיין יוגענד? וואס דען איז דאס, וואס ער האט דערפיהלט, ווען ער האט דערזעהען אונטער דיא זונען־שטראהלען ווארענקאס גראציעזע פיגור, אין איהר געלער קלייד, מיט'ן קערבעל, פערבייגעהענדיג מיט לייכטע טריט פערביי דער אלטער בעריאזע? זיין הארץ איז פערדריקט געווארען פון פרייד. א געפיהל פון צערטליכקייט האט איהם אנגעכאפט. ער האט געפיהלט, אז ער האט זיך ענטשלאסען. ווארענקא, וועלכע האט זיך נור־וואס אנגעבויגען אויפצוהויבען א שוועמעל, האט זיך מיט אן עלאסטישע בעוועגונג אויפגעהויבען און האט זיך אומגעקוקט. אוועקווארפענדיג זיין סיגאר איז סערגיי איוואנאוויטש געגאנגען צו איהר מיט ענטשלאסענע שריט.

## 5.

„ווארווארא אנדרעיעוונא, ווען איך בין נאך געווען גאנץ יונג האב איך אויסגעמאהלט זיך דעם אידעאל פון א פרויענצימער, וועלכע איך וואלט געליעבט און וועלכע איך וואלט גליקליך געווען צו רופען מיין פרוי. איך האב אבגעלעבט א לאנגע צייט געבען און האב ערשט איצט צום ערשטען מאל בעגעגענט אין אייך דאס, וואס איך האב געזוכט. איך ליעב אייך און שלאג אייך פאר מיין האנד".

אזוי האט צו זיך אליין גערעדט סערגיי איוואנאוויטש אין דער צייט, ווען ער איז געווען בלויז צעהן טריט פון ווארענקא. אראבגעלאזען אויף דיא קניע און בעשיצענדיג מיט דיא הענד א שוועמעל פון גרישען, האט זיא גערופען דיא קליינינקע מאשא:

— אהער! אהער! דא זיינען פיעל, קליינינקע! — האט זיא גערופען מיט איהר ליעבליכער ברוסט-שטימע.

דערזעהענדיג דעם צוקומענדען סערגיי איוואנאוויטש, האט זיא זיך ניט אויפגעהויבען און האט ניט געענדערט איהר לאגע; אבער אלעס האט איהם געזאגט, אז זיא פיהלט זיין נאהענטקייט און דאס פרעהט איהר.

— האט איהר וואס געפונען? — האט זיא איהם געפרעגט א קעהר טאהנ'דיג צו איהם פון אונטער דעם ווייסען טיכעל איהר שעהנעם שטיל שמייכלענדען פנים.

— קיין איינעם ניט — האט געזאגט סערגיי איוואנאוויטש — און איהר?

זיא האט איהם ניט געענטפערט, זייענדיג פערנומען מיט דיא קינדער, וועלכע האבען זיא ארומגערינגעלט.

— און דא איז נאך איינער לעבען צווייגעל — האט זיא אנגעוויזען דער קליינינקער מאשע א קליינעם שוועמעלע.

ווארענקא האט זיך אויפגעהויבען, ווען מאשא האט אויפגעהויבען דעם שוועמעל צוברעכענדיג איהם.

— דאס דערמאנט מיר אויף מיין אייגענע קינדהייט — האט זיא געזאגט אבגעהענדיג פון דיא קינדער צוזאמען מיט סערגיי איוואנאוויטש.

זיי זיינען געגאנגען שווייגענדיג עטליכע טריט. ווארענקא האט געזעהען, אז ער ווילריידען, זיא האט געטראפען וועגען וואס און זיא איז וויא פערשטארבען פון פרייד און שרעק. זיי זיינען אבגעגאנגען אזוי ווייט, אז קיינער האט זיי ניט געקאנט הערען; ער האט אבער נאך אלץ ניט אנגעהויבען ריידען. ווארענקא האט זיך בעסער געפיהלט שווייגענדיג. נאכ'ן שווייגען וועט לייכטער זיין צו זאגען דאס וואס זיי האבען איינער דעם צווייטען געוואלט זאגען אי־דער אי־בערגעהן דערצו פון א געשפרעך וועגען שוועמלעך; אבער עפעס געגען איהר אייגענעם ווילען, אזוי וויא אונגערן האט ווארענקא געזאגט:

# אננא קארעני נא

— האָט איהר גאָרנישט געפונען —איבעריגענס אין מיטען וואלד זיינען זיי אַלע מאָהל וויינינגער.

סערגיי איוואנאָוויטש האָט אַ זיפץ געטאָהן און האט גאָרנישט געענט־פערט. איהם האָט פערדראָסען, וואס זיא האט אָנגעהויבען ריידען וועגען שוועמ־לעך. ער האט געוואלט אַ קעהר טאָהן זיא צו דיא פריהערדיגע ווערטער, וואס זיא האט געזאגט, וועגען איהר קינדהייט; אָבער וויא געגען זיין אייגענעם ווילען, האָט ער געשוויעגען אַ ווייַלע, דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ בעמערקונג צו איהרע לעצטע ווערטער.

— איך האָב בלויז געהערט אז ווייסע שוועמלעך זיינען הויפטזעכליך ביים ברעג, אָבוואָהל איך קאָן קיין מאָהל ניט דערקענען.

עס זיינען אריבער נאָך עטליכע מינוט, זיי זיינען אָבגעגאנגען ווייט פון דיא קינדער און זיינען געווען פאָלשטענדיג אַליין. ווארענקאָס הארץ האָט אזוי געקלאפּט, אז זיא האט געהערט דיא קלעפּ און האָט געפיהלט, אז זיא ווערט רויט, בלייך און ווערט ווידער רויט.

זיין די פרוי פון אזא מאַן, וויא קאזנישאָוו, נאָך איהר לאגעביי מאדאם שטאהל, האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אַלס דאס העכסטע גליק, אויסער דעם איז זיא כמעט געווען זיכער, אז זיא איז אין איהם פערליעבט. און גלייך דארף זיך דאס ענטשיידען. איהר איז געווען שרעקליך. פאר איהר איז געווען שרעקליך דאס וואס ער וועט זאָגען, און דאס, וואס זיא וועט ניט זאָגען.

ענטוועדער איצט מוז מען זיך ערקלעהרען אדער קיין מאָהל ניט; דאס האט סערגיי איוואנאָוויטש געפיהלט. אַלעס אין ווארענקאָ — אין בליק, אין איהר רויטקייט, אין איהרע אראָבגעלאָזענע אויגען האָט געוויזען שמערצליכע ערוואר־טונג. סערגיי איוואנאָוויטש האָט דאס געזעהען און האָט מיט איהר מיטלייד גע־האט. ער האָט געפיהלט אפילו דאָס, אז ניט זאָגען איצט קיין זאך הייסט דאָס בע־ליידיגען זיא. ער האט פאר זיך וויעדערהאָלט דיא ווערטער, מיט וועלכע ער האָט געוואלט אויסדריקען זיין ערקלעהרונג; אָבער אָנשטאָט דיא ווערטער, האָט ער אונערווארטעט אַ פרעג געטאָהן :

— וואס זשע איז דער אונטערשיעד צווישען ווייסע שוועמלעך און בע־ריאָזעווע.

ווארענקאָס ליפּען האָבען געציטערט פון אויפרעגונג, ווען זיא האט גע־ענטפערט :

— פון׳ם קעפּעל איז ניט צו דערקענען קיין אונטערשיעד, אָבער פון וואָר־צעל קאן מען דערקענען.

און וויא נור דיא דאָזיגע ווערטער זיינען ארויסגערעדט געווארען, האָבען זיי ביידע פערשטאַנען, אז דיא זאך איז שוין געענדיגט, אז דאס וואס האָט גע־דארפט געזאגט ווערען וועט ניט זיין געזאגט און זייער אויפרעגונג, וועלכע האָט מיט אַ ווייַלע צוריק דערגרייכט ביז דער העכסטער שטופע, האָט אָנגעהויבען איינ־צושטילען זיך.

— אַ בעריאָזעווער שוועמעל קאן דערקענט ווערען דערפון, וואס זיין וואָר־

צעל דערמאָנט א באָרד פון אַ ברונעט ווע לכע איז צוויי טעג ניט געגאָלט געוואָרען — האט געזאגט שוין רוהיג סערגיי איוואנאָוויטש.

—יא, דאס איז ווירקליך — האט מיט א שמייכעל געענטפערט ווארענקאָ, און דיא ריכטונג פון זייער שפאציער האָט זיך שוין געענדערט ניט וועלענדיג; זיי זיינען איצט געגאנגען נעהענטער צו דיא קינדער. ווארענקאָ האָט געפיהלט זיך פיינליך און פארשעהמט. אָבער אין דערזעלבער צייט האט זיא עפּעס געפיהלט זיך אויך לייכטער.

ווען זיי האָבען זיך צוריק געקעהרט אין הויז, האָט סערגיי איוואנאָוויטש איינגעפונען, אז ער האט ניט ריכטיג געעאורטהיילט. ער קאָן ניט בלייבען אונ־טריי מאריעס אנדענקונג.

— שטילער, קינדער, שטילער ! — האָט לעווין כמעט מיט כעס צושריען זיך אויף דיא קינדער, שטעלענדיג זיך לעבען דער פרוי אום צו בעשיצען זיא, ווען דיא גאנצע חברה קינדער האָבען זיך א לאָז געטאָהן, ״זיהר אנטקעגען. נאָך דיא קינדער זיינען פון וואלד ארויסגעגאנגען סערגיי א וואנאָוויטש מיט ווארענקאָ. קיטי האָט שוין ווארענקאָ׳ן ניט געדארפט פרעגען: זיא האט פון דעם רוהיגען און אביסעל פארשעהמטען אויסדרוק פוןביידענס געזיכטער, פערשטאנען, אז איהרע פּלענער האָבען זיך ניט פערווירקליכט.

— נו, וואס ? — האט דער מאן ביי איהר א פרעג געטאָהן, ווען זיי האבען זיך אומגעקעהרט אהיים.

— עס נעהמט ניט — האָט געזאגט קיטי.

— וואס הייסט עס נעהמט ניט ?

— אזוי — האָט זיא געענטפערט אננעהמענדיג דעם מאנס האנד און צו־טראָגענדיג זיא צו איהרע האלב־צועפענטע ליפען — וויא מען קושט אן ארכי־ערעיס האנד.

— ביי וועמען זשע נעהמט עס ניט ? — האָט ער געזאגט לאכענדיג.

— ביי ביידען. און דארפען דארף מען גאָר אָט וויא אזוי....

— פויערים פאָהרען...

— נישט קשה, זיי זעהען ניט.

.6

אין דער צייט וואס דיא קינדער זיינען געזעסען און געטרונקען טהעע זיי־נען דיא גרויסע געזעסען אויפ׳ן באלקאן און האבען גערעדט אזוי וויא קיין זאך וואָלט ניט פאסירט, אָבוואָהל אלע, און בפרט ווארענקאָ און סערגיי איוואנאָוויטש, האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז עס האט פאסירט, אָבוואָהל אויף ניט, אָבער זעהר א וויכטיגע אנגעלעגענהייט. לעווין און קיטי האָבען זיך געפיהלט בעזונדער גליק־ליך און פערליעבט דעם דאָזיגען אבענד. און דאס גופא, וואס זיי זיינען געווען

גליקליך אין זייער ליעבע, איז געווען אן אנדייטונג אויף דיא, וועלכע האבען גע־וואונשען דאס זעלביגע, האבען אבער ניט געקענט.

—געדענקט מיין ווארט, אלעקסאנדער וועט ניט קומען — האט געזאגט דיא אלטע פירסטען.

דעם דאזיגען אבענד האט מען ערווארט, אז סטעפאן ארקאדיעוויטש וועט קומען צופאהרען, און דער אלטער פירסט האט געשריעבען, אז עס קען זיין, ער זאל אויך קומען.

—און איך ווייס איבער וואס — האט געזאגט ווייטער דיא אלטע פירס־טין — ער זאגט, אז מען דארף אויף דער ערשטער צייט דיא יונג־פערהייראטהע איבערלאזען אליין.

— א, פאפא, האט אונז אזוי אויך איבערגעלאזט פאר זיך אליין. מיר האבען איהם קיין מאהל ניט געזעהען — האט געזאגט קיטי—און וואס זיינען מיר גאר פאר אזעלכע יונגע? — מיר זיינען שוין אזוי אלט.

— אבער אויב ער קומט ניט צו פאהרען, וועל איך גיין אייך אויך אבשיעד נעהמען, קינדער — האט געזאגט דיא פירסטין מיט א זיפץ.

—וואס איז מיט אייך, מאמא! — האבען א פרעג געטאהן ביידע טעכ־טער.

באדיינקט נור, וויא ער מוז זיך דארט פיהלען איינער אליין? איצט איז דאך...

און פלוצלינג גאנץ אונערווארטעט האט דיא אלטע פירסטינס שטימע א ציטער געטאהן. די קינדער זיינען אנשוויגען געווארען און האבען זיך איבערגע־קוקט. זיי האבען ניט געוואוסט, אז וויא גוט עס איז ניט געווען דער אלטער פירס־טין ביי דער טאכטער, פון דעסטוועגען איז איהר געווען טרויעריג פאר זיך און פאר דעם מאן, זינט דיא לעצטע טאכטער איז אויסגעגעבען געווארען און דער פא־מיליען־נעסט איז פוסט געווארען.

— וואס ווינשט איהר, אגאפיא מיכאילאוונא? — האט פלוצלינג א פרעג געטאהן קיטי ביי אגאפיא, וועלכע איז געבליעבען שטעהן מיט א פיעלדיי־טיגען אויסדרוק אויפ'ן פנים.

— וועגען אבענד ברויט.

— זעהר גוט טאקע — האט געזאגט דאללי — דו געה, זעה וועגען אבענד־ברויט, און איך וועל געהן מיט גרישאן וויעדערהאלען זיין לעקציאן. ער האט דאך דעם גאנצען טאג גאר־נישט געטאהן.

— דאס איז א לעקציאן פאר מיר! — איז אויפגעשפרונגען פרעהליך לעווין — ניין, דאללי, איך וועל געהן.

גרישא איז שוין געגאנגען אין גימנאזיע און האט זומער געדארפט וויע־דערהאלען זיינע לעקציאנען. דאריא אלעקסאנדראוונא האט נאך אין מאסקווא געלערנט צוזאמען מיט'ן זוהן לאטיין, און ווען זיי זיינען געקומען צופאהרען צו לעווינען, האט זיא זיך געמאכט פאר א רעגעל, צו וויעדערהאלען מיט איהם וויי־ניגסטענס איין מאהל א טאג דיא שווערערע לעקציאנען פון אריטהמעטיק און לאטיין. לעווין האט זיך פארגעשלאגען צו פערבייטען זיא דעריין. אבער דיא מו־

טער האט דערזעהען אמאל, אז לעווין לע רענט ניט אויף דעמזעלבען אופן ווי עס ווערט פערגעבען אין גימנאזיע אויסצולערנען פון בוך, האט זיא איהם געזאגט אביסעל מיט פערלעגענהייט, אז זיא רעכענט, דאס עס דארף ווידערהאלט ווערען אזוי וויא מען לערענט אין מאסקווער גימנאזיע און אז זיא וועט דאס דארום אליין בעסער מאכען מיט גרישא'ן.

לעווינען האט פערדראסען פאר וואס עפעס סטעפאן ארקאדיעוויטש איז אזוי נאכלעסיג אז ניט ער גיט אכטונג אויף דיא קינדערס אונטעררי‍כט, נור לאזט עס איבער בלויז פאר דער מוטער, וועלכע פארשטעהט דעריין גארנישט, ער איז געווען אויפגעבראכט אויך געגען דיא לעהרער, פארוואס זיי אונטעררי‍כטען אזוי שלעכט דיא קינדער. ער האט אבער פער שפראכען דער שוועגערין, אז ער וועט מאכען מיט גרישא'ן דיא לעקציאנען אויף דעמזעלבען אופן וויא זיא וויל. ער האט דאן אנגעהויבען שוין לעהרנען מיט גרישאן ניט אויף זיין אייגענעם אופן, נור נאכ'ן בוך, און דארום האט ער דאס געטאהן אהן חשק און פלעגט פערגעסען אפט די צייט ווען מען דארף מיט גרישאן מאכען זיין לעקציאן. אזוי איז דאס געווען אויך היינט.

— ניין, איך וועל געהן, דאללי, און דוא זיץ — האט ער געזאגט — מיר וועלען מאכען אלעס אין ארדנונג, נאכ'ן בוך, נור ווען סטיווא וועט קומען צופאהרען וועלען מיר פאהרען אויף געיעג, דאן וועלען מיר פערנאכלעסיגען.

און לעווין איז אוועק צו גרישאן.

דאסזעלביגע האט ווארענקא אויך געזאגט צו קיטין. ווארענקא האט אין לעווינס גליקליכען און גוט איינגעארדענטען הויז געמאכט זיך ניצליך.

— איך וועל שוין זעהען וועגען אבענדברויט, און איהר זיצט — האט זיא געזאגט און איז צוגעגאנגען צו אגאפיא מיכאילאוונא.

— יא, מען האט מסתמא ערגעץ ניט בעקומען קיין עופות. דאן נעהמט אונזערע אייגענע.... — האט געזאגט קיטי.

— מיר וועלען שוין זעהען אויסצוקומען מיט אגאפיא מיכאילאוונא — האט געזאגט ווארענקא און איז אוועק צוזאמען מיט אגאפיא.

— וואס פאר א ליעבליך מיידעל! — האט געזאגט דיא פירסטין.

— ערוואַרט איהר היינט סטעפאן ארקאדיעוויטשען? האט א פרעג געטאהן סערגיי איוואנאוויטש, ניט וועלענדיג אפנים פארטזעצען דעם געשפרעך וועגען ווארענקא — עס איז זעלטען צו געפינען צוויי שוואגערס, וואס זאלען אזוי ניט עהנליך זיין איינער צום צווייטען, איינער איז א בעוועגליכער, וועלכער לעבט בלויז אין געזעלשאפט, וויא א פיש אין וואסער; דער צווייטער — אונזער קאסטיא — א לעבעדיגער, א פלינקער, שפירזאמער, נור וויא ער קומט אין געזעלשאפט, איז ענטוועדער ער ווערט א פערשטארבענער אדער צאפעלט זיך אהן א טאלק, וויא א פיש אויף דער יבשה.

— יא, ער איז זעהר א לייכטזיניגער — האט געזאגט דיא פירסטין ווענדענדיג זיך צו סערגיי איוואנאוויטשען — איך האב דאס טאקע אייך געוועלט זאגען, איהר זאלט מיט איהם א רעד טאהן, אז זיא קאן דא ניט פערבלייבען. און

זיא (האָט זיא אָנגעוויזען אויף קיטין) מוז ניט אנדערש וויא פאָהרען קיין מאָסקווא. ער זאָגט, אז ער וועט אויסשרייבען א דאָקטאָר....

— מאַמאַ, ער וועט אַלעס אַליין טאָהן, אַלעס, ער שטימט איין אין אַלעס— הצט מיט פערדרוס, פאַר וואָס דיא מוטער מישט אריין דעריין סערגיי איוואנאָוויטשען, געזאָגט קיטי.

אין מיטען געשפּרעך האָט זיך דערהערט דאָס פּארשקען פון פערד און דער גערודער פון רעדער איבער דיא שטיינדלעך.

דאללי האָט נאָך ניט צייט געהאַט צו לויפען בעגעגענען דעם מאַן, וויא לעווין איז ארויסגעשפּרונגען.

— דאָס איז סטיווא! — האָט ער צוגעשריען צום באלקאָן, און האָט זיך וויא א אינגעל געלאָזט לויפען אַנטקעגען — און נאָך עמיצער. געוויס דער פּאַפּאַ— האָט געשריען לעווין פון וויטען לויפענדיג צו דער אַלעע — קיטי, זאָלסט ניט געהן איבער דיא הויכע טרעפּ, געה בעסער דורך ארום.

אָבער לעווין האָט אַ טעות געהאַט רעכענענדיג אַז דער וואָס זיצט אין פּוהרעל איז דער אַלטער פירסט. ווען ער איז צוגעגאַנגען האָט ער דערזעהען אַז צוזאַמען מיט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש זיצט אַ שעהנער, פולער יונגער מענש אין אַ שאטישען הוט מיט ברייטע ברעגען לענטעס פון הינטען. דאָס איז געווען וואַסענקא וועסלאווסקי, דיא שטשערבאצקים אַ גליד־שוועסטערקינד, אַ גלענצענדער יונגער מענש „אַ פּרעכטיגער יונג און אַ ליידענשאַפטליכער יעגער“ וויא סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט איהם פאָרגעשטעלט.

לעווינען האָט פערדראָסען פאַר וואָס דער אַלטער פירסט איז ניט געקומען, ווייל וואָס מעהר ער האָט איהם געקענט האָט ער איהם אַלץ מעהר ליעב בעקומען און איהם האָט אויך פערדראָסען, וואָס עס איז געקומען צופאָהרען דער דאָזיגער וואַסענקא וועסלאָווסקי, אַ מענש לחלוטין אַ פרעמדער. בעזונדער פרעמד און איבעריג האָט ער זיך איהם אויסגעוויזען, ווען ארויפקומענדיג אויפ'ן ווערא‍נדאַ, וואו עס איז געווען טומעלדיג פון דיא קינדער און פון דיא גרויסע צו בעגריסען דיא אָנגעקומענע געסט, האָט ער בעמערקט וויא וואַסענקאַ וועסלאָווסקי קושט קיטים האַנד עפּעס בעזונדער צערטליך און גאַלאַנט.

— און מיר זיינען קוזינען מיט אייער פרוי און אלטע בעקאַנטע — האָט איהם א זאָג געטהאָן וואַסענקאַ וועסלאָווסקי, דריקענדיג ווידער אַמאָל לעווינס האַנד.

— נו, וואָס, איז פאַראַן וואָס צו פאַנגען? — האָט זיך סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש אַ קעהר געטאָהן צו לעווינען איידער ער האָט נאָך בעוויזען מיט אַלעמען צו בעגריסען זיך — מיר האָבען זעהר אכזר'ישע אבזיכטען. וואָס הייסט, מאַמאַ, ניט געווען טאַקע פון דאַן אָן אין מאָסקווע? נו, טאַניא, דאָס איז פאַר דיר! נעהם דאָרט ארויס פון פוהר פון הינטען. וויא פריש דוא ביסט דאָ געוואָרען, דאללינקע, — האָט ער גערעדט אויף אלע זייטען, האָט א קוש געטהאָן ווידער דיא פרוי'ס האַנד און האָט זיא געהאַלטען א ווײלע אין זיינער, צוגלעטענדיג זיא פון אויבען מיט זיין אנדער האַנד.

לעווין, וועלכער איז מיט א ווײלע פריהער געווען פרעהליך, האָט איצט

# אננא קארעניגא

ביי זלעך געקוקט אויף אלעמען און איהם איז קיין זאך ניט געפעלען געוועזן. „וועמען האט ער נעכטען געקושט מיט דיזעלביגע ליפען," האט ער געטראכט, קוקענדיג וויא צערטליך סטעפאן ארקאדיעוויטש איז צו דער פרוי. ער האט א קוק געטהאן אויף דאללי און זיא איז איהם אויך ניט געפעלען געווארען. „זיא גלויבט דאך ניט אין זיין ליעבע. וואס־זשע האט זיא זיך דא אזוי דערפרעהט? וויא עקעל־האפט!" האט ער זיך געטראכט.

ער האט א קוק געטהאן אויף דער אלטער פירסטין און איהם איז ניט געפעלען געווארען דער מאניער, מיט וועלכען זיא האט מקבל פנים געווען דעם דאזיגען וואסענקא מיט זיינע שאטישע לענטעס, אזוי וויא זיא וואלט איהם דאס איינלאדען צו זיך אליין אין הויז. אפילו סערגיי איוואנאוויטש, וועלכער איז איצט אויך ארויסגעקומען, איז איהם געווארען אונאנגענעהם, זעהענדיג מיט וואס פאר א פארשטעלטקייט, וויא כלומרשט א הארציגען פריינד, ער האט בעגעגענט סטעפאן ארקאדיעוויטשען, אין דער צייט ווען לעווין האט זעהר גוט געוואוסט, אז זיין ברודער ליעבט ניט אבלאנסקין און האט פאר איהם קיין שום רעספעקט ניט.

און אפילוווארענקא איז איהם אויך געווארען אבשטויסענד, וויא זיא האט מיט איהר פנים פון א הייליגער ניט־ריהר־מיך־אן בעקאנט זיך מיט דעם דאזיגען העררן, ווען זיא האט גאר בלויז געטראכט וועגען דעם, וויא האט מען שוין חתונה. און עקעלהאפטער פון אלעמען איז געווען קיטי, פאר וואס זיא איז אזוי לייכט בעווירקט געווארען פון'ם פרעהליכען טאן, מיט וועלכען דער דאזיגער הערר האט גערעדט, וויא ער וואלט רופען אלעמען אויף א יו"ט פאר איהם און אנדערע, און איבערהויפט נאך איהר שמייכעל, מיט וועלכען זיא האט געענט־פערט אויף זיין שמייכעל.

ריידענדיג און טומעלדיג זיינען אלע אריין אין הויז; אבער וויא זיי האבען זיך צוזעצט, האט לעווין זיך א קעהר געטהאן און איז ארויס.

קיטי האט געזעהן, אז מיט איהר מאן האט עפעס פאסירט. זיא האט געזוכט א פאסענדע מינוט צו קאנען זיך מיט איהם דורכריידען איינער אויף איינעם, ער האט זיך אבער אויסגעדרעהט פון איהר, זאגענדיג, אז ער דארף געהן אין קאנטאר. שוין לאנג וויא איהם האבען דיא ווירטהשאפטליכע אנגעלע־גענהייטען ניט געוויזען זיך אזוי וויכטיג, וויא היינט. „ביי זיי זיינען אלץ יום טובים — און דא זיינען ניט קיין יום־טוב'דיגע עסקים, וועלכע קאנען ניט ווארטען און וועלכע מען טאר ניט אבלייגען."

7.

לעווין האָט זיך צוריקגעקעהרט ערשט דאַן, ווען מען האָט איהם געשיקט רופען צו אבענדברויט. אויף די טרעפ זיינען געשטאַנען קיטי מיט אגאַפיא מיכאַילאָוונא, בעראַטהענדיג זיך, וועלכע וויין צו שטעלען אויפ'ן טיש.

— אָבער וואָס מאַכט איהר פון דעם אזא וועזען? דערלאַנגט וויא געוועהנליך.

— ניין, סטיווא טרינקט דאָך ניט אזא... קאָסטיא, וואַרט, וואָס איז מיט דיר? — האָט אָנגעהויבען ריידען צו איהם קיטי, איילענדיג נאָך איהם, ער האָט אָבער אָהן איינזעהענים אָנגעהויבען שטעלען גרויסע טריט, איז אריין אין עסס־צימער און האָט זיך גלייך אריינגעמישט אין אלגעמיינעם לעבהאַפטען געשפרעך.

— נו, וואָס־זשע, פאָהרען מיר מאָרגען אויף געיעג? — האָט געפרעגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש.

— איך בעט אייך, לאָמיר פאָהרען — האָט געזאָגט וועסלאָווסקי, איבערזעצענדיג זיך מיט א זייט אויף אַן אנדער שטוהל און אונטערבויגענדיג אונטער זיך זיין פעטע פוס.

— איך וועל זעהר גערן מיט אייך פאָהרען — האָט געזאָגט לעווין — האָט איהר שוין הייאָהר געפּרופט געהן אויף געיעג? מען וועט דארפען אויפשטעהן זעהר פריה. וועט איהר ניט מיעד ווערען? ביסטו ניט מיעד, סטיווא?

— איך מיעד? בין נאָך קיין מאָהל ניט מיעד געוואָרען. ווייסט איהר וואָס, לאָמיר גאָר אויף זיין א גאַנצע נאַכט! לאָמיר מאַכען א שפּאַציר!

— ווירקליך, לאָמיר אויף זיין! פרעבטיג! — האָט צוגעשטימט וועסלאָווסקי.

— א, דאָס ווייסען מיר שוין, אז דוא קאָנסט ניט שלאָפען גאַנצע נעכט און אַנדערע ניט לאָזען — האָט דאַללי געזאָגט דעם מאַן מיט א לייכטער איראָניע, וויא זיא פלעגט אין דער לעצטער צייט אימער ריידען צו איהם — און איך מיין, אז עס איז שוין צייט... איך געה, און עסען וויל איך ניט.

— ניין, זיץ נאָך א ווייל, דאַללינקע — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, איבערגעהענדיג צום גרויסען טיש, וואו מען האָט געגעסען — איך האָב דיר נאָך פיעלעס וואָס צו דערצעהלען.

— מסתמא גאָר נישט.

— ווייסט דוא, אז וועסלאָווסקי איז געוועזען ביי אננא'ן. און ער פאָהרט ווידער צו זיי. זיי וואָהנען דאָך אין גאַנצען א וויאָרסט זיעבציג פון אייך. און איך וועל אויך אריבערפאָהרען אהין, ניט אנדערש. קום אהער, וועסלאווסקי!

— אך, דערצעהלט מיר, זייט אזוי גוט, איהר זייט טאַקע געוועזען ביי איהר? וואָס מאַכט זיא? — האָט זיך נאָכגעפרעגט דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא.

# אננא קארעגינא

לעווין איז געבליעבען ביי דעם צווייטען עק טיש און האָט ניט אויפגע־הערט אַלץ צו ריידען מיט וואַריאַן מיט דער אלטער פירסטין; ער האָט גע־זעהן פון וויטען וויא צווישען סטעפּאַן ארקאדיעוויטש, וועסלאַווסקי, דאַללי און קיטי איז אָנגעגאַנגען א לעבהאַפטער און עפּעס געהיימער געשפּרעך. נאָך ווייניג וואָס דאָס געשפּרעך האָט געטראָגען א געהיימען כאַראַקטער, ער האָט געזעהן אין זיין פרוי׳ס פּנים דעם אויסדרוק פון אן ערנסטען געפיהל, ווען זיא האָט, ניט אראָבלאָזענדיג דיא אויגען, געקוקט אין וואַסענקאַ׳ס שעהנעם פּנים, וועלכער האָט עפּעס דערצעהלט זעהר לעבעדיג.

— ביי זיי איז זעהר גוט — האָט וואַסענקאַ דערצעהלט וועגען וורָאָנ־סקין און אננאַן — זעלבסטפערשטענדליך, איך וויל ניט אונטערשטעהן צו זאָגען א מיינונג, אָבער אין הויז ביי זיי פיהלט מען זיך וויא אין אן אנגענעהמער פאַ־מיליע.

— וואָס־זשע רעכענען זיי צו טהאָן?

— דוכט זיך, אז זיי וועלען צו ווינטער איבערקלייבען זיך קיין מאָסקווע.

— עס וואָלט געווען גוט, ווען ־מיר וואָלטען זיך דאָרט ביי זיי ביידע מרעפען — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש צו וועסלאַווסקי — ווען דענקסט דוא צו פאָהרען?

— איך וועל ביי. זיי פערברייגגען דעם מאָנאַט יולי.

— און דוא וועסט פאָהרען? — האָט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש א פרעג געטהאָן זיין פרוי.

— איך האָב שוין לאַנג געוואָלט און וועל זיכער פאָהרען — האָט גע־זאָגט דאַללי — מיך פאַרדריסט פאַר איהר, און איך קען זיא. זיא איז א פּראַכט־פאָלע פרויענצימער. איך וועל פאָהרען אהין אליין, ווען דוא וועסט אוועקפאָהרען אהיים, און וועל קיינעם דערמיט ניט שטעלען אין פערלעגענהייט. עס איז אפילו בעסער אָהן דיר.

— זעהר גוט — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש — און דוא, קיטי?

— איך? נאָך וואָס עפּעס זאָל איך פאָהרען? — האָט געזאָגט קיטי אָן אָנגעצונדענע און האָט זיך אומגעקוקט צום מאַן.

— זייט איהר דען בעקאַנט מיט אננא ארקאַדיעוונא? — האָט איהר א פרעג געטהאָן וועסלאַווסקי — זיא איז זעהר אן אָנציהענדע.

— יא — האָט געענטפערט קיטי, נאָך רויטער ווערענדיג, און זיא האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צום מאַן.

— האָסט דוא בעשלאָסען צו פאָהרען מאָרגען אויף געיעג? — האָט זיא געזאָגט.

אין דיא דאָזיגע עטליכע מינוט איז זיין אייפערזוכט שוין פערגאַנגען ווייט, בעזונדער נאָך ווען ער האָט דערזעהן וויא רויט זיא איז געוואָרען, ווען זיא האָט גערעדט מיט וועסלאַווסקי. וויא זאָנדערבאַר דאָס איז ביי איהם ניט אויסגעקומען דערנאָך, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען וועגען דעם, אָבער איצט האָט זיך איהם אויסגעוויזען קלאָהר, אז זיא פרעגט איהם צו פאָהרט ער אויף

געיעג דערפאַר, ווייל זיא וויל, ער זאָל צושטעלען וואַסענקאַ וועסלאָווסקען פער־
נעניגען, און זיא איז געוויס פערליעבט אין איהם.

— יא, איך וועל פאָהרען — האָט ער געזאָגט מיט אַן אונגאַטירליכע שטימע, וועלכע איז איהם אַליין געווען דערווידער.

— ניין, פאָהר ניט מאָרגען, פערברייננגט נאָך דאָ מאָרגענדיגען טאָג, וואָרום דאַללי האָט איהר מאַן דאָך אַזוי לאַנג ניט געזעהן; און איהר קאָנט דאָך פאָהרען אויף געיעג איבערמאָרגען.

קיטיס ווערטער זיינען שוין איצט פערטייטשט געוואָרען פון לעווינען אַזוי: „צושייד מיך ניט מיט א י ה ם. וואָס דו וועסט פאָהרען, מאַכט מיר ניט אויס, אָבער לאָז מיך הנאה האָבען פון דער געזעלשאַפט פון דעם פרעכטיגען יונגען מענשען.“

— אַך, אויב דו פערלאַנגסט, וועלען מיר מאָרגען דאָ פערברייננגען — האָט עפּעס מיט א בעזונדער אנגענעהמליכקייט געענטפערט לעווין.

ניט באמערקענדיג וויפיעל ליידען עס האָט פעראורזאכט זיין אנוועזענהייט, האָט דערווייל וואסענקא זיך אָנגעהויבען און מיט זיין העפליכען און צערטליכען שמייכעל איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך קיטי. לעווין האָט געזעהן דעם ראַזיגען זיסען בליק. ער איז בלייך געוואָרען און א מינוט האָט ער ניט געקאָנט אָבכאַפּען דעם אָטהעם. „וויא ערלויבט ער זיך אַזוי צו קוקען אויף מיין פרוי!“ האָט געקאָכט אין איהם.

— הייסט דאָס מאָרגען? — האָט געזאָגט וואסענקא, צוזעצענדיג זיך ווידער אויף א שטוהל און אונטערבויגענדיג דיא פוס, וויא זיין געוואָהנהייט איז געווען.

לעווינס אייפערזוכט איז נאָך פערגאַנגען ווייטער. ער האָט שוין געזעהן זיך אַלס אָבגענאַרטער מאַן, וועמען דיא פרוי און איהר ליעבהאָבער דאַרף האָבען בלויז צוליעב דעם, אז ער זאָל זיי צושטעלען אַלע בעקוועמליכקייטען פון לעבען און אַלע פערגעניגענס... אָבער, ניט קוקענדיג דערויף, האָט ער פון דעסטוועגען ליעבליך און גאַסטפריינדליך אויסגעפרעגט וואסענקאַן וועגען זיינע געיעג, וועגען זיין ביקס און שטיוועל און האָט פערשפּראָכען, אז מאָרגען פאָהרען זיי זיכער.

עס איז געווען א גליק פאַר לעווינען, וואָס דיא אַלטע פירסטין האָט געמאַכט א סוף צו זיינע יסורים דערמיט, וואָס זיא איז אויפגעשטאַנען און האָט געראַטהען קיטין, אז עס איז צייט צו געהן שלאָפען.

אָבער דאָ איז עס ווידער ניט אריבער אָהן ליידען פאַר לעווינען. זעגענענדיג זיך מיט דער ווירטהין פון הויז, האָט וואסענקא ווידער געוואָלט א קוש טהאָן איהר האַנד, אבער קיטי איז רויט געוואָרען און האָט מיט א נאַאיווער גראָבקייט, פאַר וועלכער דיא מוטער האָט איהר דערנאָך אויסגערעדט, אָבגעצויגען דיא האַנד, זאָגענדיג:

— ביי אונז פיהרט זיך ניט אַזוי.

אין לעווינס אויגען איז זיא אָבער געווען שולדיג דערמיט וואָס זיא האָט צוגעלאָזען, אז עס זאָלען מעגליך זיין אַזעלכע בעציהונגען, און נאָך מעהר שולדיג דעריין, וואָס זיא האָט עס אַזוי אונבעקוועם געוויזען, אז זיי געפעלען איהר ניט.

— נו, וואָס פאַר א חשק קאָן זיין צו שלאָפען איצט! — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש נאָך דעם וויא ער האָט אויסגעטרונקען א פּאָר גלעזער וויין און איז געוואָרען אין א פּאָעטישער שטימונג. — זעה, קיטי — האָט ער אָנגעוויזען אויף דער לבנה — וואס פאר א פראַכט! אקוראט דיא צייט פאר א סערענאַדאַ, ווערסלאַווסקי. דוא ווייסט, ער האָט א פּראַכטפאָלע שטימע, מיר האָבען אויפ'ן וועג געזונגען צוזאַמען. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פּרעכטיגע ראָמאַנסען, נייע צוויי. מיט וואַרוואַרא אַנדרעיעוונא דאַרף מען דאָס א זינג טהאָן.

---

ווען אַלע זיינען זיך שוין צוגאַנגען, האָבען נאָך סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש מיט ווערסלאַווסקין לאַנג ארומגעשפּאַצירט אין דער אַללעע און עס האָבען זיך געהערט זייערע שטימען, וויא זיי זינגען איין צוזאַמען א נייעם ראָמאַנס.

הערענדיג דיא דאָזיגע שטימען, איז לעווין געזעסען אָן אָנגעבלאָזענער אין א פוטעל אין דער פרוים שלאָפצימער און האָט געשוויגען עקשנות'דיג, ווען זיא האָט זיך ביי איהם נאָכגעפרעגט, וואָס מיט איהם איז. נור ווען זיא האָט ענדליך, שמייכלענדיג מיט פערלעגענהייט, א פרעג געטהאָן, פיעלייכט געפעלט איהם עפּעס ניט אין ווערסלאַווסקין, האָט דאָס איהם דורכגעריסען און ער האָט ארויסגעזאָגט אַלעס. זיינע רייד האָבען איהם אליין בעליידיגט און ער איז איבער דעם נאָך מעהר אין כעס געוואָרען.

ער איז געשטאַנען לעבען איהר מיט שרעקליך בליצענדע אויגען פון אונטער דיא אָנגעוואָלקענטע ברעמען און האָט געדריקט צום ברוסט זיינע קרעפטיגע הענד, וויא ער וואָלט אָנשטריינגען אַלע קרעפטען צוריקצוהאַלטען זיך. דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען בייז, ווען ניט דיא יסורים, וואָס האָבען זיך געזעהען און וואָס האָט איהר גערירט. זיינע באַקען האָבען זיך געטרייסעלט און זיין שטימע האָט זיך יעדע ווייַלע איבערגעריסען פון אויפרעגונג.

— דוא פאַרשטעה דאָך, אַז איך בין ניט אייפערזיכטיג: דאָס איז א מיאוס וואָרט. איך קאָן ניט אייפערזיכטיג זיין און גלויבען, אַז... איך קאָן ניט איבערגעבען וואָס איך פיהל, אָבער דאָס איז שרעקליך... איך בין ניט אייפערזיכטיג אָבער איך בין בעליידיגט, ערנידריגט דערפון, וואָס עמיצער נעהמט זיך דיא העזה טראַכטען, נעהמט זיך דיא העזה קוקען אויף דיר מיט אַזעלכע אויגען.

— אָבער מיט וועלכע אויגען? — האָט געפרעגט קיטי זוכענדיג צו דערמאָנען זיך אַלעס וואָס איז גערעדט און געטאָהן געוואָרען יענעם אבענד. טיעף אין הארצען האָט זיא געפונען אַז עס איז יא געווען עפּעס; דאָס איז געווען אין דער מינוט ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען צו דעם צווייטען עק טיש, אָבער זיא האָט ניט געהאַט דעם מוטה אפילו פאר זיך אַליין מודה צו זיין זיך דערין; און בפרט איהם האָט זיא דאָס געוויס ניט געקאָנט זאָגען און דערמיט האָט זיא פאַרגרעסערט זיינע יסורים.

— און וואָס־זשע איז פאַראַן אין מיר אַזעלכעס אנציהענדעס, וואָס בין איך דען?...

# אננא קארעגינא

— אך! — האָט אַ געשריי געטאָהן לעווין כאַפּענדיג זיך פאַר'ן קאָפּ — דו װאָלסט װײניגסטענס ניט ריידען!... דאָס הייסט דאָך, אַז װען דו װאָלסט יא געװען אנציהענד....

— אָך, אָבער ניין דאָך, קאָסטיא, װאָרט, הער אוים! — האָט זיא גע־זאָגט קוקענדיג אויף איהם שמערצליך־מיטליידיג — נו, וויא־זשע קאָנסט דו קלערען, וויא קאָנסט דו טראַכטען, װען פאַר מיר זיינען ניטאָ קיין מענשען, ניטאָ, ניטאָ!... נו, ווילסט דו אַז איך זאָל קיינעם ניט זעהען?

אין דער ערשטער מינוט איז זיא געװען בעליידיגט פון זיין אייפערזוכט, איהר האָט פערדראָסען, וואָס דאָס מינדעסטע פערברייננגען זיך, דאָס אונשול־דיגסטע איז איהר אויף פערבאָטען; אָבער איצט װאָלט זיא גערן געאָפּפערט אפילו מיט גרעסערעס וויא מיט אַזעלכע קלייניגקייטען, זיא װאָלט געאָפּפערט מיט איהר גאַנצער רוהע אום צו בעפרייען איהם פון דיא יסורים, װעלכע ער ליידעט.

— פאַרשטעה דאָך וויא שרעקליך און וויא קאָמיש מיין לאַגע איז — האָט ער פאַרטגעזעצט מיט פאַרצווייפלונג — ער איז ביי מיר אין הויז, ער האָט דאָך אייגענטליך קיין אונאַנשטענדיגעס ניט געטאָהן אויסער זיין פרייע בענעה־מונג. ער רעכענט דאָס פאַר דעם בעסטען אופן וויא אַ מענש פון העכערער גע־זעלשאַפט דאַרף זיך פיהרען, און איך מוז דעריבער זיין צו איהם העפליך.

— אָבער, קאָסטיא, דו איבערטרייבסט דאָך — האָט געזאָגט קיטי, װעלכע האָט טיעף אין הארצען זיך געפרעהט זעהענדיג מיט וואָס פאַר אַ קראַפט ער ליעבט זיא, וויא דאָס דריקט זיך איצט אוים אין זיין אייפערזוכט.

— שרעקליכער פון אַלעם איז דאָס, וואָס דו ביסט אַזוי וויא דו ביסט אימער, און איצט, װען דו ביסט פאַר מיר אַזאַ הייליגקייט, װען מיר זיינען אַזוי גליקליך, אַזוי בעזונדער גליקליך, און פּלוצלונג אַזאַ שטיקעל פּאַסקודסטווע... אָבער צו וואָס זידעל איך איהם? וואָס געהט ער מיך אָן. אָבער וואָס זאָל מיין גליק, דיין גליק?....

— ווייסט, איך פאַרשטעה שוין פאַר וואָס דאָס האָט זיך אַזוי געמאַכט — האָט אָנגעהויבען קיטי.

— פאַר וואָס? פאַר וואָס?

— איך האָב געזעהען וויא דו האָסט געקוקט, װען מיר האָבען גערעדט ביים אבענדברויט.

— נו־יא, נו־יא! — האָט צושראָקען געזאָגט לעווין.

זיא האָט איהם דערצעהלט װעגען וואָס זיי האָבען גערעדט. און, דערצעהע־לענדיג דאָס, האָט איהר פערכאַפּט דער אטהעם פון אויפרעגונג. לעווין האָט גע־שוויגען, ער האָט זיך דערנאָך צוגעקוקט צו איהר בלייכען, צושראָקענעם פּנים און האָט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָהן פאַר'ן קאָפּ.

— קאַטיא, איך האָב דיך אויסגעמאַטערט! טייבעלע מיינע, פערצייהע מיר! דאָס איז װאָהנזינן! קאַטיא, איך בין שולדיג געגען דיר! טאָר איך גאָר איבער אַזאַ נאַרשיקייט אַזוי פּייניגען דיך!

— ניין, מיר פאַרדריסט פאַר דיר.

— פאר מיר? פאר מיר? איך בין א משוגענער!... אָבער פאַר וואָס מאַטער איך דיך? דאָס איז דאָך שרעקליך, אז יעדער פרעמדער מענש זאָל קאָנען חרוב מאכען אונזער גליק.

— פארשטעהסט זיך, אז דאָס איז בעליידיגענד...

— ניין, זאָג איך דיר, אז איך וועל זעהען, פארקעהרט, ער זאָל דוקא פערבלייבען ביי אונז דעם גאנצען זומער און איך וועל צו איהם זיין גוט און ליעבליך — האָט געזאָגט לעווין קושענדיג איהרע הענד — אָט וועסט דוא אליין זעהען מאָרגען... א, יא, מאָרגען פאָהרען מיר דאָך אויף געיעג.

8.

אין א טאָג ארום, ווען די דאמען זיינען נאָך ניט אויפגעשטאנען, זיינען שוין דיא יעגער־עקיפאזשען, דיא צעבערס אין א וועגעל געשטאנען ביים צופאָהר, און דער יאגד־הונד, לאסקא, וועלכער האָט פערשטאנען נאָך גאנץ פריה, אז מען קלייבט זיך אויף געיעג, איז געזעסען אויפ׳ן וואָגען לעבען דעם קוטשער, נאָך דעם וויא ער האָט זיך אָנגעשפרונגען און אָנגעקוויטשעט פון שמחה ביז זאט, און האָט איצט מיט צוטראָגענהייט געווארט, זייענדיג אונגעדולדיג, וואָס דאָס דויערט אזוי לאנג.

דער ערשטער איז ארויסגעקומען וואסענקא וועסלאווסקי אין לאנגע נייע שטיוועל, וועלכע האָבען גערייכט ביז דער העלפט פון זיינע דיקע לאפעטקעס, אין א גרינער בלוזע, ארומגעגורט מיט א נייעם לעדערנעם פאטראָנטאש, אין זיין היטעלע מיט שאטישע לענטעס און מיט א נייא־נקען ענגלישען ביקס. לאסקא איז צוגעשפרונגען צו איהם, וויא נאכפרעגענדיג זיך, צו ווען באלד ארויסקומען דיא איבעריגע, און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער, האָט זיך דער הונד אומגעקעהרט צוריק. ענדליך האָט זיך דיא טיהר געעפענט, און עס איז ארויסגעפלויגען דרעהענדיג זיך סטעפאן ארקאדיעוויטשעס הונד, א פאָינטער, ק ר א ק, און גלייך נאָך קראק איז ארויסגעקומען סטעפאן ארקאדיעוויטש, מיט א ביקס אין האנד און א סיגאר אין מויל. „טובאָ, טובאָ, קראק!“ האָט ער צערטלענדיג צוגעשריען דעם הונד. סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געווען אָנגעטאָהן אין צוריסענע הויזען און אן אָבגעניצטען, קורצינקען מאנטעל. אויפ׳ן קאָפּ איז ביי איהם געווען עפּעס א חרוב׳ער הוט, אָבער דער ביקס איז געווען, א צאצקעלע, א שפּאָגעל נייער, פון דער נייער סיסטעמע, אין דער יאגדטאש און פאטראָנטאש זיינען געווען פון דיא בעסטע.

וואסענקא וועסלאָווסקי האָט פריהער ניט פערשטאנען, אז דיא ווירקליכע, יעגערישע אויספוצונג בעשטעהט אין זיין אָנגעטאָהן אין שמאטעס און האָבען אָבער דערביי דיא בעסטע יעגערישע געוועהר. איצט, קוקענדיג אויף סטעפאן ארקאדיעווימש, וועלכער האָט געשיינט מיט זיין עלעגאנטנער, אָבגעפרעסענער, פריצישער פיגור, האָט ער בעשלאָסען, אז דעם צווייטען מאהל וועט ער זיך אויך אזוי אָנקליידען פאר געיעג.

— נו, און וואָס איז מיט אונזער בעל הבית? — האָט ער א פרעג עטאָהן.

— א יונגע פרוי, — האָט א שמייכעל געטאָהן סטעפאן ארקאדיעוויטש.

— יא, און נאך אזא פרעכטיגע.

— ער איז שוין געווען אנגעטאהן. מסתמא איז ער ווידער געלאפען אויף א ווילע צו איהר.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט געטראפען. לעווין איז וויעדער געלאפען אויף א ווילע צו זיין פרוי, האט זיא א פרעג געטאהן צו האט זיא איהם פערציהעט און געבעטען זיא אום נאטעס ווילען זיא זאל זיין פארזיכטיג, זאל זיך אבהיטען. הויפטזעכליך פון דיא קינדער — זיי קאנען א שטוים טאהן. ער האט געבעטען אז אונטער דער צ״ט וואס ער וועט זיין אויף געיעג זאל זיא מיט א רייטער צושיקען איהם א צעטעלע וויא זיא פיהלט זיך.

— ענטשולדיגט, מיינע העררען! — האט ער געזאגט ארויסלויפענדיג אויפ'ן גאניק — האט מען איינגעפאקט פריהשטיק? פאר וואס האסט דוא איינגעשפאנט דעם רויטען צו רעכטס? ני, אלץ איינס. לאסקא, הער אויף, זעץ זיך אוועק! אהא, עס קומט שוין ווער מיר דרעהען א קאפ.

לעווין איז אראפגעשפרונגען צוריק פון וואגען, אויף וועלכען ער האט זיך שוין געווען געזעצט, און איז געגאנגען אנטקעגען דעם סטאליער, וועלכער איז געגאנגען צו איהם מיט א קלאפטער אין האנד.

-- נו, וואס? — האט ער געפרעגט.

— וועט איהר הייסען נאך דריי טרעפלאך מאכען? און דאן וועט דאס אויסקומען אקוראט. אזוי וועט זיין בעסער.

— ווען דו וואלסט אבער מיך פאלגען — האט פערדרוסליך גענענטפערט לעווין. — איך האב דיר געזאגט, שטעל פריהער אוועק דיא זייט־קלעצער און דערנאך האק ארייין דיא טרעפ. איצט איז שוין פערפאלען, פעררינכטען ווערסט דו ניט קענען. מאך וויא איך האב געהייסען, האק נייע. לעווין האט גענומען דיא זעג און האט אויף איהר אויסגעצייכענט וויא דיא טרעפ דארפען זיין.

— נו, זעהסט דו שוין?

— וויא איהר בעפעהלט — האט געזאגט דער סטאליער, וועלכער האט ענדליך פערשטאנען וואס מען מיינט — א פנים וויא מען וועט טאקע דארפען האקען אויף דאס ניי.

— יא, אזוי דארפסט דו טאהן, וויא מען האט דיר געהייסען — האט א געשריי געטאהן לעווין און האט זיך געזעצט אין וואגען. — געגאנגען! דיא הינד האלט, פיליפ!

לעווין האט איצט געפיהלט שטארק דיא פרייד פון לעבען און פון געיעגערוואַרטונג, אז איהם האט זיך ניט געוואלט ריידען. ער האט געפיהלט יענעם געפיהל פון קאנצענטרירטע גערייצטקייט וועלכען עס פיהלט יעדער יעגער, ווען ער קומט צו נאהענט צום פלאץ פון געיעג.

אבלאנסקי האט געפיהלט דאס זעלביגע און האט אויך ווייניג גערעדט. בלויז וואסענקא וועסלאווסקי האט אהן אויפהער פרעהליך געפלוידערט. הערענדיג איהם, האט לעווינען איצט פערדראסען, פאר וואס ער איז געווען געגען איהם אזוי אונגערעכט נעכטען. וואסענקא איז דאך ווירקליך א וואוילער קערל, איינפאך, גוטמוטהיג און פרעהלאך. ווען לעווין וואלט מיט איהם בעקאנט

געוואָרען בחור־ווייז, וואָלט ער מיט איהם זעהר בעפריינדעט ווערען. אמת, לעווינען איז ניט געווען גאָר אנגענעהם זיין צו יום־טוב׳דיגער קוק אויפ׳ן לעבען און זיין צו עלעגאַנטע פּרייקייט. אזוי וויא ער וואָלט עפּעס צוגעגעבען אַ הויכע בעדייטונג צו דעם פאקט, וואָס ער טראָגט לאַנגע, געטאָקטע נעגעל און אזאַ פראַנטישע היטעלע, אָבער דאָס האָט מען איהם געקאָנט מוחל זיין. לעווינען איז געפעלע, געווען זיין גוטע ערצויגענהייט, וואָס ער רעדט אזוי גוט פראַנצויזיש און ענגליש.

ווען מען איז אָבגעפאָהרען אַ דריי ווערסט האָט זיך ווּעסלאָווסקי פּלוצלונג געכאַפּט, אַז איהם פעהלט זיין פּאָרטסיגאַר און זיין געלד־טאַש, און ער האָט ניט געדיינקט צו ער האָט דאָס איבערגעלאָזען אויפ׳ן טיש אָדער ער האָט דאָס פערלאָרען. אין טאַש זיינען געווען דריי הונדערט מיט זיבעציג רובעל און עס איז אַן עבירה צו לאָזען דאָס אַזוי.

— ווייסט איהר וואָס לעווין, איך וועל זיך אַ זעץ טאָהן רייטענדיג אויף דעם דאָנסקען צוגעשפּאַנטען פערד און וועל אַ שפּרונג טאָהן אַהיים.

— ניין, צו וואָס? — האָט אַ זאָג געטאָהן לעווין, אַ רעכען טאָהנ׳דיג ביי זיך אין קאָפּ, אַז וואַסקא מוז ווענען גוטע זעקס פּוד — איך וועל בעסער שיקען דעם קוטשער.

דער קוטשער האָט אָפּגעשפּאַנט דעם צוגעשפּאַנטען פערד, האָט זיך געזעצט רייטענדיג און איז געפאָהרען צוריק צום הויז און לעווין האָט זיך גענומען אָנטרייבען דיא פערד.

9.

נו, וואָס איז אונזער מאַרשרוט? ערקלעהר אונז געגוי — האָט געזאָגט כטעפּאַן ארקאַדיעוויטש.

— דער פּלאַן איז פאָלגענדער: איצט וועלען מיר צופאָהרען ביז גוואָזדיעווא. אין גוואָזדיעווא דאָרט זיינען דיופּעל־זומפּען, און ווייטער אַריבער זיינען בעקאָסען־זומפּען. איצט איז הייס, און צו אבענד וועלען מיר דאָרטען זיין, אַ וויאָרסט צוואַנציג איז עס פון דאַנען. דאָרט וועלען מיר איבערנעכטיגען און מאָרגען וועלען מיר קאָנען צוקומען צו דיא גרויסע זומפּען.

— און אויפ׳ן וועג אַהין וועלען מיר גאָר נישט קריגען?

— פּאַראַן עפּעס, אָבער מיר וועלען זיך ניט אָבשטעלען, און עס איז צו הייס. עס זיינען פּאַראַן אַ פּאָר גוטע פּלעצעלעך, אָבער איך בין ניט זיכער, אַז מיר וועלען דאָרט וואָס קריגען.

לעווינען האָט זיך אפילו אַליין געוואָלט אריין אין דיא דאָזיגע פּלעצעלאַך, אָבער זיי זיינען צו קליין און פאַר דרייען וועט ניט זיין וואו צו שיסען.

ווען זיי זיינען געקומען פערביי דעם קליינעם זומפּעל האָט לעווין געוואָלט פערבייפאָהרען און ניט אָבשטעלען זיך, אָבער סטעפּאַן ארקאַדיעוויטשעס גענימטע יעגער־אויג האָט באַלד דערזעהען, אַז דאָרט איז גוט פאַר געיעג.

— וועלען מיר אפשר אַ קעהר טאָהן אַהין — האָט ער געזאָגט אָנווייזענדיג מיט׳ן פינגער.

— לעווין, זייט אַ גוטער! אַך, וויא גוט וואָלט געווען דאָרט אַ שאָס

צו טאָהן — האָט אָנגעהויבען וועסלאָווסקי צו בעטען זיך, און לעווין האָט שוין ניט געקאָנט אָבזאָגען.

זיי האָבען נאָך ניט צייט געהאַט אָבצושטעלען זיך וויא דיא הינד זייענען שוין געפלויגען אַהין איבעריאָגענדיג איינער דעם צווייטען.

— קראַק! לאַסקא!...

דיא הינד האָבען זיך צוריקגעקעהרט.

— פּאַה דרייען וועט זיין צו ענג. איך וועל דאָ בלייבען — האָט געזאָגט לעווין האָפענדיג אַז זיי וועלען דאָרט קיין זאַך ניט געפינען.

— ניין, לעווין, לאָמיר געהן, אַלע צוזאַמען! — האָט גערופען וועסלאָווסקי.

— ווירקליך, עס וועט זיין צו ענג. לאַסקא, אַהער געה, צוריק! לאַסקא! איהר דאַרפט דאָך ניט נאָך אַ הונד?

לעווין איז געבליבען לעבען וואָגען און האָט געקוקט מיט בענײדונג אויף דיא יעגער. דיא יעגער זיינען אַריבער דעם זומפּ. אויסער אַ פּאָאַר טשיביסען, פון וועלכע וואַסענקא האָט איין פויגעל דערשאָסען איז דאָרט קיין זאַך ניט געוועזן.

— איהר זעהט שוין — האָט געזאָגט לעווין — דאָס איז בלויז צייט צו צורייבען.

— ניין, עס איז דאָך עפּעס פרעהליכער. איהר האָט געזעהען וויא גוט איך האָב דעם דאַזיגען דערשאָסען — האָט ער געזאָגט קריכענדיג אויפ'ן וואָגען מיט דעם דערשאָסענעם טשיבים אין האַנד.

פּלוצלונג האָבען זיך דיא פּערד אַ ריס געטאָהן. לעווין האָט זיך אָנגעשטויסען מיט'ן קאָפּ אָן וועסלאָווסקיס ביקס און עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס. דער שאָס איז אייגענטליך געוועזן פריהער פון דעם קלאַפּ, אָבער לעווין'ען האָט דאָס אַזוי אויסגעוויזען. פּאַסירט האָט דאָס אַזוי: וואַסענקא וועסלאָווסקי האָט ניט אַראָבגעלאָזען איין הענטעל און האָט צוגעהאַלטען דאָס צווייטע הענטעל. עס האָט זיך אַ דריק געטאָהן און אויסגעשאָסען — אויסגעשאָסען אַראָב אין דער ערד, קיינעם האָט ניט געשאַדט. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ שאָקעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ און האָט זיך צולאַכט מיט פאָרוואורף געגען וועסלאָווסקי. אָבער לעווין האָט ניט געהאַט דעם מוטה אויסצורײדען איהם. ערשטענס וואָלט דאָס קלינגען וויא ער טהוט דאָס אויס כעס, וואָס ער האָט בעקומען אַ קלאַפּ אין קאָפּ, אַז עס איז אָנגעלאָפען באַלד אַ בייל; צווייטענס איז וועסלאָווסקי געוועזן אַזוי אונשולדיג געקריינקט און האָט דערנאָך אַזוי קינדערש צולאַכט זיך, אַז לעווין האָט קיין האַרץ ניט געהאַט אויסצורײדען איהם און האָט זיך אַליין אויך צולאַכט.

ווען זיי זיינען צוגעפאָהרען צום צווייטען זומפּ, וועלכער איז געוועזן גענוג גרויס און עס האָט געדאַרפט נעהמען גענוג צייט, האָט לעווין זיי צוגערעדט, אַז זיי זאָלען ניט געהן. אָבער וועסלאָווסקי האָט איהם ווידער איינגעבעטען. לעווין, אַלס גאַסטפריינדליכער ווירטה איז ווידער געבליבען ביי דיא פערד.

וואַסענקא וועסלאָווסקי האָט זיך דער ערשטער געלאָזט לויפען הינטער:

הונד, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נאָך ניט צייט געהאַט צוצוקומען, וויא עס איז אַרויסגעפלויגען אַ דופּעל און האָט זיך אָראָבגעלאָזט אויף דער ניט־אָנאָבגעשניטענער לאָנקע. וועסלאַווסקי האָט איהם דערשאָסען און האָט זיך אומגעקעהרט צו דיא פוהרען.

— איצט געהט איהר און איך וועל זיין מיט דיא פערד — האָט ער געזאָגט.

לעווינען האָט אָנגעהויבען צוצונעהמען דיא בעניידונג פון'ם יעגער. ער האָט איבערגעגעבען וועסלאַווסקין דיא לייצעס און איז אַוועק מיט'ן ביקס. לאַסקא האָט זיך דערפרעהט און האָט זיך אַ לאָז געטאָהן פאָראויס. לעווין האָט אָנגעשטעלט ענדליך דעם ביקס, אָבער אַקוראַט אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך גענומען ציעלען האָט זיך דערהערט אַ שליאָפּען אין וואַסער און וועסלאַווסקיס שטימע, וועלכע האָט עפּעס הויך געשריען. לעווין האָט אויסגעשאָסען און האָט ניט געטראָפען. ווען ער האָט דערזעהען, אַז ער האָט ניט געטראָפען אין ציעל, האָט ער זיך אָנגעהויבען אומקוקען און האָט דערזעהען, אַז דיא פערד מיט דיא וועגען זיינען ניט אויפ'ן וועג, נור זיינען אין בלאָטע.

געקומען איז דאָס אַזוי, וועסלאַווסקין האָט זיך געוועלט זעהען דיא שיסעריי, איז ער צוגעפאָהרען צום זומפּ און דיא פערד זיינען אַריינגעקראָכען אין זומפּ און האָבען געזונקען.

— דער רוח טראָגט איהם! — האָט אַ זאָג געטאָהן פאַר זיך לעווין געענדיג צו דער זינקענדער פוהר — צו וואָס זייט איהר געפאָהרען? — האָט ער אַ פרעג געטאָהן צוקומענדיג נעהנטער, און ער האָט אָנגעהויבען שרייען צום קוטשער, ער זאָל צוקומען. ער האָט זיך אַ נעהם געטאָהן אַרויסשלעפּען דיא פערד.

לעווינען האָט פערדראָסען ערשטענס, פאַר וואָס מען האָט איהם געשטערט שיסען און צווייטענס, וואָס דיא פערד זיינען אַריינגעפיהרט געוואָרען אין זומפּ. און הויפּטזעכליך נאָך אַז ניט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, ניט וועסלאַווסקי האָבען ניט געהאָלפען איהם און דעם קוטשער אויסשפּאַנען איצט דיא פערד און אַרויסשלעפּען פון בלאָטע, ווארום זיי האָבען ניט פערשטאַנען וויא מען דאַרף זיך נעהמען דערפאַר. ניט ענטפערענדיג קיין וואָרט וואַסענקאַן, וועלכער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז עס האָט אויסגעזעהען פון וויי־טען גאָר אַזוי וויא דאָ וואָלט געווען טרוקען, האָט לעווין שטומערהייט געאַרבייט מיט'ן קוטשער אַזוי לאַנג ביז וואַנען זיי האָבען אַרויסגעשלעפּט דיא פערד. זעהענדיג דערנאָך וויא וואַסענקא העלפט, מיט זיין אַקסעל אונטערשפּאַרענדיג, אַרויסשלעפּען דיא פוהר, האָט שוין לעווינען פערדראָסען וואָס ער איז געווען אַזוי קאַלט צו איהם און האָט זיך אַליין געמאַכט פאָרווירפע, אַז דאָס איז פּיעלייכט איבער דעם נעכטיגען אייפערזיכטיגען געפיהל. אום צו פערגיטיגען דאָס האָט ער אָנגעהויבען צו באַנעהמען זיך מיט וועסלאַווסקין בעזונדער פריינדליך און ליעבליך. ווען אַלעס איז שוין געבראַכט געוואָרען אין אָרדנונג און דיא פוהרען זיינען שוין ווידער געשטאַנען אויפ'ן וועג, האָט לעווין געהייסען אַרויסנעהמען דעם פריהשטיק.

— גוטער אַפּעטיט — ריינער געוויסען! — האָט פרעהלאָך אַ זאָג געטאָהן אַ פראַנצויזישען ווערטעל וואַסענקא, ענדיגענדיג עסען דאָס צווייטע הינדעל — איצט האָבען זיך אַלע אונזערע צרות געענדיגט און איצט וועט שוין מסתמא

אלעס געהן אין בעסטער ארדנונג. נור פאר מיין שולד דארף איך אבקומען און דארף זיצען מיט'ן קוטשער. ניט אמת? נו, אט וועט איהר זעהען וויא איך וועל איך דערפיהרען אקוראט וויא עס דארף צו זיין, — האט ער גע'טענה'ט צו לעווינען, וועלכער האט איהם געבעטען ער זאל איבערגעבען דיא לייצעס דעם קוטשער; און וואסענקא איז טאקע געבליבען מיט דיא לייצעס אין דיא הענד אנטרייבען דיא פערד — ניין, איך מוז אבקומען פאר מיין שולד און דערצו פיהל איך זיך דא זעהר גוט.

לעווין האט מורא געהאט אביסעל, אז ער וועט פערמאטערן דיא פערד, בעזונדערן דעם רויטען, וועלכען ער האט ניט געוואוסט וויא צו האלטען; אבער איז ניט וועלענדיג בעאיינפלוסט געווארען פון זיין פרעהליכקייט, האט געהערט דיא ראמאנסען וועלכע וועסלאווסקי האט אויסגעזונגען זיצענדיג אויף דיא קאזלעם דעם גאנצען וועג, אדער מעשהלעך וועלכע ער האט דערצעהלט; און זיי זיינען נאך פריהשטיק געוועז זעהר פרעהלאך אויפגעלייגט. אזוי זיינען זיי דערפאהרען ביז גוואזדיעווא.

10.

וואסענקא האט אזוי שנעל געיאגט דיא פערד, אז זיי זיינען צוגעקומען צום געיעג־פלאץ צו פריה, ווארום עס איז נאך געוועזן זעהר היים.

צופאהרענדיג צום הויפט זומפ, וואו עס איז געוועזן דער צוועק פון זייער רייזע האט לעווין ניט וועלענדיג א טראכט געטאהן וויא פטור צו ווערען פון וואסענקאן אז קיינער זאל איהם ניט שטערען אין זיין געיעג. סטעפאן ארקאדיעוויטש האט אפנים געוואונשען דאסזעלביגע און אויף זיין פנים האט לעווין געזעהען דעם אויסדרוק פון פערזארגטקייט, וואס עס איז שטענדיג בייווירקליכע יעגער איידער עס הויבט זיך אן דאס געיעג.

— וויא־זשע וועלען מיר געהן? פרעכטיגער זומפ און איך זעה יאסטרעבען דא אויך. וואו יאסטרעבען דארט מוז זיין גענוג וואס צו פאנגען. — האט געזאגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — נו, ווער־זשע וועט געהן רעכטס, ווער לינקס? צו רעכטס איז ברייטער, געהט איהר זאלבענאנד, און איך וועל געהן צו לינקס — האט ער געזאגט אזוי, וויא איהם וואלט דאס גאר ניט אארען.

— גוט! מיר וועלען איהם איבערשיסען. נו, לאמיר געהן, לאמיר געהן!

— האט זיך אנגעכאפט וואסענקא.

לעווין האט ניט געקאנט אבזאגען זיך און זיי זיינען זיך צוגאנגען, סטעפאן ארקאדיעוויטש אין איין זייט און זיי אין דער אנדער זייט. ווען זיי זיינען דורכגעגאנגען א היבשע שטרעקע און וועסלאווסקי האט געשאסען וויפיעל זיין הארץ געלוסט, האבען זיי דערהערט פון וויטען געשרייען:

— עי, יעגער! קומט מיט אונז מיטאג עסען, שנאפס טרינקען!

דאָס האָט געשריען איינער פון אַ חברה פויערים, וועלכע זיינען געזעסען לעבען פוהרען און האָבען געפּראוועט אַ סעודה.

לעווין האָט זיך אומגעקוקט.

— קומט, נישקשה! — האָט געשריען אַ פרעהליכער פויער מיט אַ רויטען באָרד, אויסשטעלענדיג זיינע ווייסע צייהנער און האָט פון ווייטען געוויזען אין דער הויך אַ פלאַש.

— ווער זיינען דאָס? — האָט ווערסלאָווסקי אַ פרעג געטאָהן.

— דאָס רופען זיי בראַנפען טרינקען. זיי האָבען מסתמא צוטהיילט דאָס דיא לאָנקע צווישען זיך און זיי טרינקען. איך וואָלט מיט זיי אויסגעטרונקען — האָט געזאָגט לעווין האָפענדיג אַז ווערסלאָווסקי וועט אוועק צו זיי, דערווייל וועט ער איהם ניט שטערען אין געיעג.

— צו וואָס־זשע טראַקטירען זיי אונז?

— אַזוי, פון שמחה וועגען.ווירקליך געהט צו צו זיי. פאַר אייך וועט דאָס זיין אינטערעסאַנט.

— קומט, אַלס קוריאָז.

— געהט, געהט איהר; דעם וועג צום מיהל וועט איהר אַליין טרעפען! — האָט צו איהם געשריען לעווין און האָט מיט פערגניגען געקוקט וויא ווערסלאָווסקי האָט זיך מיט מידע פיס געשלעפּט איבערן זומפּ צו דיא פויערים.

— קום דוא אויך! קום! — האָט דער פויער געשריען אויף לעווינען — האָב קיין מורא ניט, פריץ. וועסט צובייסען אַ קוילעטשעל!

לעווינען האָט זיך זעהר געוואָלט מאַכען אַ שנאַפּס און אַ ביס טאָהן אַ שטיקעל ברויט. ער איז אָבגעשוואַכט געוואָרען און האָט געפיהלט אַז קוים וואָס ער קאָן אַרויסשלעפּען אַ פוס פון דער זומפּיגער בלאָטע, און אויף אַ מינוט איז ער געווען אין צווייפעל צו זאָל ער אויך ניט צוגעהן צו דיא פויערים. אָבער פּלוצלונג האָט זיך דער הונד אָבגעשטעלט. און באַלד איז זיין גאַנצע מידקייט פערשוואונדען און ער איז אוועק אַהין וואו דער הונד האָט זיך אָבגעשטעלט. פון אונטער זיינע פיס איז אַרויסגעפלויגען אַ בעקאַס; ער האָט אַ קנאַק געטאָהן און דערשאָסען — דער הונד איז נאָך אַלץ געשטאַנען. „פּיל!“ —האָט זיך פון אונטערן הונד אויפגעהויבען נאָך איינער. לעווין האָט אויסגעשאָסען. ער האָט ניט געטראָפען. איהם איז דעם טאָג ניט געגאַנגען. ער איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען שטיק זומפּ, וואָס איז געווען באַוואַקסען מיט הויכע גראָז און ווען ער איז אַרומגעגאַנגען זוכען דעם איין פויגעל, וואָס ער האָט שוין יאָ דערשאָסען, האָט ער איהם אויך ניט געפונען. לאַסקא האָט ניט געגלויבט אַז ער האָט וועלכע דערשאָסען און ווען לעווין האָט דעם הונד געשיקט זוכען, האָט ער זיך בלויז פאַרגעשטעלט אַז יעצט וועט דאָס איהם געהן בעסער, עס איז אָבער ניט געגאַנגען.

ער האָט צוגערופען צו זיך לאַסקאַ און האָט גענומען אַרויסקריכען פון זומפּ. אַרויסגעהענדיג אויף אַ טרוקענעם פּלאַץ, האָט ער אַראָבגעשלעפּט דיא שטיוועל, האָט פון דאָרט אַרויסגעגאָסען דיא אָנגעשעפּטע בלאָטע. ער איז צוגעגאַנגען דערנאָך צום וואַסער, האָט זיך אַרומגעוואַשען, און דערנאָך געגאַנגען

צוריק, בעשליסענדיג ניט צו היצען זיך. אָבער וואָס מעהר ער האָט געוואָלט רוהיג זיין, איז אַלץ אויסגעקומען דאָסזעלביגע. זיין פינגער האָט א קוועטש געטהאָן דעם דריקער, איידער ער האָט גענומען דעם ציעל. אַלץ איז געגאַנגען ערגער און ערגער. אין זיין יאַגדטאַש זיינען געווען בלויז פינף שטיק. ווען ער איז ענדליך צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, וואו ער האָט זיך געדאַרפט צונויפקומען מיט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש.

— נו, וואָס? — האָט א פרעג געטהאָן סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש — האָט איהרביידע עפּעס פיעל געפייערט

— און דוא? — האָט געפרעגט לעווין. אָבער ער האָט ניט געדאַרפט פרעגען, ווארום ער האָט שוין געזעהן א פולען יאַגדטאַש.

— יא, נישטקשה.

אין סטעפּאַן ארקאַדיעוויטשעס יאַגטאַש זיינען געווען פערצעהן שטיק.

— א פּרעכטיגער זומפּ פאַר יאַגד! דיר האָט מסתמא וועסלאָווסקי גע־שטערט. פאַר צוויי יעגער איין הונד איז ניט בעקוועם — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, ווייכער צו מאַכען זיין טריאומף.

## 11.

ווען לעווין צוזאַמען מיט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש זיינען אריינגעקומען אין שטיבעל פון דעם פויער, וואו לעווין פלעגט זיך געוועהנליך אָבשטעלען, ווען ער פלעגט זיין אויף געיעג, איז וועסלאָווסקי שוין דאָרט געווען. ער איז געזעסען אין מיטען שטוב, האַלטענדיג זיך מיט ביידע הענד פאַר'ן באַנק און דער בעל הבית'טעס ברודער, א סאָלדאַט, האָט געשלעפּט פון זיינע פיס דיא שטיוועל, בעגאָסענע מיט קויט און בלאָטע. וועסלאָווסקי האָט זיך צולאַכט מיט זיין ריי־צענדען פרעהליכען געלעכטער.

— איך בין דאָס נור־וואָס אריין — האָט ער געזאָגט — דאָס איז דאָך פּרעכטיג. שטעלט זיך פאָר, האָבען מיך אָנגעטרונקען, אָנגעקאָרמעט. און וואָס פאַר א ברויט! א פּראַכט! און בראַנפען! איך האָב נאָך קיין מאָהל אזא בראַנפען ניט געטרונקען. און זיי האָבען בשום אופן ניט געוואָלט נעהמען קיין געלד, און האָבען געהאַלטען אין איין זאָגען: „האָב קיין פאַראיבעל ניט“.

— פאַר וואָס־זשע זאָלען זיי נעהמען געלד? זיי האָבען אייך דאָס הייסט מכבד געווען. פערקויפען זיי דען בראַנפען? — האָט געזאָגט דער סאָלדאַט, וועל־כען עס איז ענדליך געלונגען אראָבצושלעפּען פון וואַסענקאַ'ס פוס דעם צו־ווייקטען שטיוועל.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אין שטוב איז געווען ניט ריין איבער דיא בלאָטיגע שטיוועל פון דיא יעגער, פון דיא בלאָטיגע הענד, און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס קיין גאָפּעל און מעסער זיינען ניט געווען, פון דעסטוועגען האָבען

דיא יעגער אנגעטרונקען זיך מיט טהעע, האבען אבגעגעסען אבענדברויט מיט אזא געשמאק, וויא מען עסט בלויז אויף געיעג. איינגעוואשענע, ריינע, זיינען זיי ארײנגעגאנגען אין היי־שטאהל, וואו מען האט פארטיג געמאכט פאר דיא פריצים צום שלאפען.

אבוואהל עס איז שוין געווען גאנץ דונקעל, האט קיינער פון דיא יעגער פון דעסטוועגען נאך ניט געוואלט שלאפען. זייענדיג געוויגט צווישען דיא ערצעהלונגען וועגען דיא אמאליגע געיעגען, וועגען הינד, איז אזוי אנגעגאנגען דאס געשפרעך וועגען דער טהעמא, וואס האט אלעמען אינטערעסירט. אבלאנסקי האט זיך צורעדט וועגען דעם, וואס פאר א פרעכטיגע יאגד ער האט אמאל געהאט ביי מאלטוסען לעצטען יאהר. מאלטוס איז געווען א בעוואוסטער רייכער אייזענבאהן־אונטערנעהמער.

— איך פארשטעה דיך ניט — האט געזאגט לעווין, אויפהויבענדיג זיך אויף זיינע היי — וויא זיינען דיר דיא דאזיגע מענשען ניט אבשטויסענד. איך פארשטעה, אז פריהשטאק מיט לאפיט איז זעהר אנגענעהם, אבער וויא איז דיר ניט עקעלהאפט גראד אזא וואוילטאג? דיא דאזיגע אלע מענשען זאמלען רייכקייט אויף אזא אופן, אז זיי מוזען ערוועקען דעם האס פון אלעמען, און זיי קימערט ניט, וואס זיי ווערען אזוי געהאסט, ווארום זיי קאנען דערנאך מיט דאס אנגעצאפטע פערמעגען אבקויפען זיך פון דעם האס, וואס מען האט פריהער געהאט צו זיי.

— זעהר ריכטיג! — האט זיך אבגערופען וואסענקא וועסלאווסקי — זעהר ריכטיג. נאטירליך, אבלאנסקי טהוט דאס פון מענשענליעבע וועגען און אנדערע זאגען, אז אבלאנסקי פאהרט צו....

— עס הויבט זיך גאר ניט אן — האט לעווין געהערט וויא אבלאנסקי שמייכעלט זאגענדיג דאס — איך רעכען איינפאך אז ער איז ניט אונעהרליכער איידער ווער עס איז אן אנדערער פון דיא רייכע סוחרים און אדעליגע. אי דיא אי יענע האבען זיך ערווארבען זייער פארמעגען דורך ארבייט און מיט שכל.

— יא, אבער וועלכע ארבייט? איז דאס אויך אן ארבייט, ארויסקריגען א קאנצעסיע און פארקויפען זיא אן אנדערן?

— געוויס איז דאס ארבייט. דאס הייסט ארבייט אין דעם זינען אז ווען ער און אזעלכע וויא ער וואלטען ניט געווען, וואלטען קיין באהנען ניט געווען.

— נו, דאס איז ניט אזא ארבייט וויא למשל דיא ארבייט פון דעם פויער אדער פון דעם געלעהרטען.

— זאל זיין אזוי, אבער דאך איז דאס אן ארבייט, ווייל דאס ברײנגט רעזולטאטען — אייזענבאהנען. דוא ווערסט דאך צוגעבען, אז אייזענבאהנען זיינען ניצליך.

— ניין, דאס איז אן אנדער פראגע. איך וועל צוגעבען אז זיי זיינען ניצליך. אבער יעדע ערווערבונג, וועלכע איז ניט לויט דער פערדיענסט פון דער ארבייט איז אונעהרליך.

— ווער־זשע וועט בעשטימען, אויב א פערדיענסט איז לויט דער ארבייט אדער ניט?

— ווען מען ערווערבט פערמעגען דורך אונעהרליכע מיטלען, דורך כיטרעקייט — האָט געזאָגט לעווין פיהלענדיג, אז ער קאָן ניט דורכפיהרען קיין בעשטימטע ליניע צווישען עהרליכקייט און אונעהרליכקייט — וויא צ. ב. ש. דיא ערוואָרבענע פערמעגענס דורך באַנק־געשעפטען. דאָס איז אָן איבעל, דאָס הייסט ערווערבען גרויסע פאַרמעגענס ניט ארבייטענדיג, וויא עס איז געווען אין דיא צייטען פון אָטקופּ, נור איצט איז געענדערט דיא פאָרם. „געשטאָרבען דער קעניג, עס לעבע דער קעניג!“ מען האָט קוים בעוויזען ערשט אָבצושאַפען דעם אָטקופּ. וויא עס זיינען ערשיענען אייזענבאהנען, באַנקען: ווידער ערוואָרבענע רייכקייט ניט ארבייטענדיג.

— דאָס אַלעס קאָן זיך זיין ריכטיג און קלוג... לייג זיך, קראַך! — האָט א געשריי געטאָהן סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש אויף זיין הונד, וועלכער האָט זיך געקראַצט און ארומגעדרעהט אין דיא היי — אָבער דוא האָסט ניט בעשטימט דעם גרעניץ צווישען עהרליכע און אונעהרליכע אַרבייט. איז דאָס אונעהרליך, וואָס איך בעקום א גרעסערען געהאַלט אלס מיין קאַנצעלאַריע־פיהרער, אָבוואָהל ער וויים דיא זאַך בעסער פון מיר?

— איך וויים ניט.

— נו, וועל איך דיר זאָגען. ווען דוא בעקומסט פון דיין אַרבייט אין דיין ווירטהשאַפט, לאָמיר זאָגען, פינף טויזענד רובעל א יאָהר, און אונזער פויער בעקומט פון זיין אַרבייט אין זיין בעל־הבית'שקייט ניט מעהר פון פינף הונדערט רובעל א יאָהר, איז אויך אַזוי אונעהרליך וויא דאָס וואָס איך בעקום מעהר פון מיין קאַנצעלאַריע־פיהרער און וואָס מאַלטוס בעקומט מעהר אלס וויא דער באַהן־מייסטער. פאַרקעהרט, איך זעה, אַז דאָס איז א פיינדשאַפט פון דער געזעלשאַפט געגען דיא דאָזיגע מענשען, א פיינדשאַפט וועלכע איז אונבעגרינדעט, און מיר דוכט זיך, אַז דאָס קומט פון קנאה....

— ניין, דאָס איז ניט אָרדענטליך — האָט געזאָגט וועסלאַווסקי — קיין קנאה קאָן דאָך דאָ ניט זיין; עס איז עפּעס פאַראַן אַנריינעס אין אַזא בעשעפטיגונג.

— ניין, ערלויב דאָך — האָט פאָרטגעזעצט לעווין — דוא זאָגסט, אַז עס איז ניט אָרדענטליך, וואָס איך בעקום פינף טויזענד, און דער פויער בלויז פינף הונדערט; דאָס איז טאַקע אמת. דאָס איז טאַקע ניט אָרדענטליך, און איך פיהל דאָס, נור . . .

— דאָס איז דאָך טאַקע אַזוי. פאַר וואָס עסען מיר, טרינקען, געהען אויף געיעג, טהוען גאָרנישט, און דער פויער, שטענדיג ער אַרבייט? — האָט געזאָגט וואסענקא וועסלאַווסקי, קענטיג דעם ערשטען מאָהל אין לעבען ערענסט א טראַכטענדיג וועגען דעם, און דאַרום פאָלשטענדיג אויפריכטיג.

— יא, דוא פיהלסט, אָבער דוא ווערסט איהם ניט אוועקגעבען דיין מאַיאָנטעק — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, וועלכער האָט מיט א כיון געוועלט פערצעפּען לעווינען.

צווישען דיא צוויי שוואָגערס איז עפּעס אין דער לעצטער צייט געוואָרען א געהיימע פיינדליכע בעציהונג: וויא ביי זיי וואָלט געווען א קאָנקורענץ אלס

דיא מענער פון צוויי שוועסטער, ווער האָט בעסער איינגעאָרדענט זיין לעבען. איצט האָט זיך דיא דאָזיגע פיינדשאַפט אויסגעדריקט אין דעם שמועס, וועלכער האָט אָנגענומען א פערזענליכען כאַראַקטער.

— איך גיב ניט אָב מיין מאַיאָנטעק דערפאַר, ווייל קיינער פאָדערט עס פון מיר ניט, און ווען אפילו איך וואָלט וועלען וואָלט איך דאָס ניט געקאָנט טהאָן — האָט געזאָגט לעווין — ניטאָ וועמען.

— גיב עס אוועק אָט דעם פויער; ער וועט זיך ניט ענטזאגען.

— יא, אָבער וויא אזוי זשע זאָל איך אוועקגעבען? איך זאָל געהן מיט איהם שליעסען א פערקויפס־קאָנטראַקט?

— איך וויים ניט וויא; אָבער אויב דוא ביכט איבערצייגט, אז דוא האָסט קיין רעכט ניט . . .

— איך בין גאָרנישט איבערצייגט. פאַרקעהרט, איך פיהל, אז איך האָב קיין רעכט ניט אוועקצוגעבען, אז איך האָב פפליכטען אי צו דער ערד, אי צו דער פאַמיליע.

— ניין, ערלויב דאָך; אָבער אויב דוא רעכענסט, אז אזא אנגעלעגענהייט איז ניט יושר׳דיג, דאַן פאַר וואָס־זשע האַנדעלסט דוא אזוי? . . .

— איך האַנדעל, איך טהו, אָבער בלויז נעגאַטיוו, דאָס הייסט, איך וועל ניט זוכען צו פערגרעסערען די אונגלייכהייט צווישען מיין לאַגע און דעם פויער׳ס.

— ניין, ענטשולדיג, אָבער דאָס איז בלויז א פאַראַדאָקס.

— יא, דאָס איז עפּעס א כאָפיסטישע ערקלערונג — האָט צוגעשטימט וועסלאַווסקי — א, בעל הבית! — האָט ער זיך יאַג געטהאָן צום פויער, וועלכער איז אריינגעגאַנגען אין היי־שטאַהל, סקריפענדיג מיט׳ן טיער — וואָס, דוא שלאָפסט נאָך ניט?

— ניין, וואו שלאָפען? איך האָב געמיינט, אז אונזערע פריצים שלאָפען שוין לאַנג, ערשט זיי שמועסען גאָר. איך דאַרף דאָ נעהמען א איזערנעם קריוק. בייסט זיך אייער הונד? — האָט ער געזאָגט, געהענדיג פאָרזיכטיג מיט זיינע באָרפוסע פיס.

— אך, וואָס פאַר א נאַכט! — האָט געזאָגט וועסלאַווסקי קוקענדיג צום געעפענטען טויער — הערט, הערט, דאָס זינגען פרויען שטימען, ניט שלעכט. ווער זינגט דאָס, בעל הבית?

— דאָס זינגען דיא מיידלעך פון הויף. דאָ, באַלד, ניט ווייט פון אונז.

— קומט, לאָמיר געהען שפּאַצירען! מיר וועלען דאָך ניט איינשלאָפען. אָבלאָנסקי, קומט!

— וויא מאַכט מען, אז מען זאָל קאָנען אי ליגען, אי געהן — האָט געניצענדיג געזאָגט אָבלאָנסקי — עס איז אזוי גוט צו ליעגען.

— נו, וועל איך געהן איינער אליין — האָט געזאָגט וועסלאַווסקי, וועלכער איז שנעל אויפגעשטאַנען, האָט ארויפגעצויגען דיא שטיוועל און געגומען געהן — אויף וויעדערזעהן, מיינע הערען. ווען עס וועט זיין פרעהליך, וועל איך אייך רופען. איהר האָט מיך מכבד געווען מיט יאַגד און איך וועל אייך ניט פערגעסען.

— ניט אמת, א וואוילער קערל? — האָט געזאָגט אָבלאָנסקי, ווען ווראָנסקי איז ארויס, און דער פויער האָט פערמאַכט דעם טויער.

— יא, זעהר א וואוילער — האָט געענטפערט לעווין און האָט פאָרט־געזעצט טראכטען וועגען דאָס, וואָס זיי האָבען נור־וואָס גערעדט. איהם האָט זיך געדוכט, אז אויף וויפיעל ער האָט עס געקאָנט, האָט ער ארויסגעזאָגט זיינע געדאנקען און געפיהלען, און וויא קומט דאָס, אז זיי ביידע, מענשען עהרליכע און ניט קיין נארען, האָבען אין איין קול ערקלעהרט, אז ער טרויסט זיך מיט סאָפיזמען. דאָס האָט איהם געערגערט.

— אזוי, אזוי איז עס, מיין פריינד. מען דארף איינס פון דיא ביידע: אָדער אנערקענען, אז דיא געגענווערטיגע איינריכטונג פון דער געזעלשאַפט איז אָרדענטליך און דאַן דארף מען שטעהן פעסט און פערטהיידיגען אונזער רעכט, אָדער מען מוז זיך מודה זיין, אז מען לעבט פון ניט עהרליכע פריווילעגיעס, וויא איך טהו, און פון דעסטוועגען הנאה האָבען פון זיי.

— ניין, ווען דאָס וואָלט געווען אונעהרליך, וואָלסט דוא דערפון ניט געקאָנט הנאה האָבען, יעדענפאַלס וואָלט איך ניט געקאָנט. מיר איז הויפטזעכליך נויטיג, אז איך זאָל פיהלען, אז איך בין ניט שולדיג.

— און טאָמער וואָלטען מיר ווירקליך א געה טהאָן? — האָט געזאָגט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש, וועלכער איז אפנים מיעד געוואָרען פון אָנשטרייגגען זיינע געדאנקען — מיר וועלען דאָך סיי וויא ניט איינשלאָפען. ווירקליך, לאָמיר געהן!

לעווין האָט ניט געענטפערט. ער האָט איצט געטראַכט וועגען דעם געדאנק וואָס ער האָט פריהער ארויסגעזאָגט. „זאָל דאָס מעגליך זיין, אז בלויז נעגאַטיוו קאָן מען אָרדענטליך זיין?“ האָט ער זיך געפרעגט.

— וויא שטאַרק עס שמעקט דיא פרישע היי! — האָט געזאָגט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש אויפהויבענדיג זיך — איך וועל בשום אופן ניט איינשלאָפען. וואסענקאַ פאַרפיהרט שוין עפּעס דאָרט. דוא הערסט דאָס געלעכטער און זיין שטימע? זאָלען מיר געהן? קום דאָך!

— ניין, איך וועל ניט געהן — האָט געענטפערט לעווין.

— איז דאָס אפשר אויך אוים פרינציפּ?

— ניט קיין פרינציפּ, נור צו וואָס זאָל איך געהן?

— ווייסט דוא, דוא ווערסט זיך אָנמאַכען א צרה — האָט געזאָגט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש, אָנטהאָנדיג זיין היטעל.

— פאַר וואָס?

— איך זעה דען ניט, וואָס פאַר א פיהר דוא האָסט זיך גענומען מיט דיין ווייב? איך האָב געהערט, אז צווישען אייך איז פאָרגעקומען א וויכטיגע פראגע, צו זאָלסט דוא פאָהרען אויף צוויי טעג אויף געיעג, אָדער ניט. דאָס אַלעס איז זיך גוט אלס אן אידיליע, אָבער אויף דעם גאַנצען לעבען אזוי — וועט ניט קלעקען. א מאַנספּערזאָן דארף זיין אונאבהענגיג. ביי איהם זיינען פאַראַן זיינע מענערשע אינטערעסען. א מאַנספּערזאָן דארף זיין מענליך—האָט געזאָגט אָבלאָנסקי, עפענענדיג דעם טויער.

# אננא קארענינא

— דאָס הייסט וואָס, געהען שאַרען זיך ארום דיא הויפּישע מיידלעך? — האָט א פרעג געטהאָן לעווין.

— פאַר וואָס ניט געהן, אויב דאָס איז פרעהליך. מיין פרוי וועט דערפון ניט ליידען, און מיר איז דערפון פרעהליך. דיא הויפּטזאַך איז, היט אָב דיא הייליגקייט אין הויז. אין הויז זאָל קיין זאַך ניט פאָרקומען. אָבער דיא הענד זיך פערבינדען דארפסט דוא ניט.

— עס קאָן זיין — האָט געזאָגט לעווין און האָט זיך איבערגעקעהרט אויף דער אַנדער זייט — מאָרגען וועט מען דארפען געהן פריה. איך וועל קיינעם ניט וועקען. נור־טאָג וועל איך געהן.

— מיינע העררען, אהער! — האָט זיך דערהערט וועסלאָווסקי'ס אָנקומענדע שטימע — שאַרמאַנט! דאָס איז מיין ענטדעקונג. שאַרמאַנט, אווירקליכע גרעטכען, און מיר זיינען שוין בעקאָנט געוואָרען. ווירקליך, א פּרעכטיגע! איבער פּרעכטיג! — האָט ער דערצעהלט מיט אַזאַ הנאה, וויא זיא וואָלט דאָס בעשאפען געוואָרען שעהן פון זיינטוועגען און ער איז געוועזן צופריעדען, וואָס מען האָט פון זיינטוועגען פערפערטיגט אַזאַ שעהנע.

לעווין האָט זיך געמאַכט וויא ער שלאָפט, אַבלאָנסקי האָט פערראויכערט א סיגאַר און איז אוועק. באַלד האָט מען שוין זייערע שטימען ניט געהערט. לעווין האָט לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפען. ער האָט געהערט וויא זיינע פערד האָבען געזשוואַקעט דיא היי, דערנאָך וויא דער כאָלדאַט האָט זיך געלייגט שלאָפען, פלוידערענדיג מיט דעם בעל הבית'ס קליינעם אינגעל. ער האָט געהערט, וויא דער אינגעל האָט דעם סאָלדאַט דערצעהלט מיט זיין דינינקען קול'כעל וועגען דיא פריצישע הינד; דערנאָך וויא דער אינגעל האָט געפרעגט וועמען דיא גרויסע, מורא'דיגע הינד וועלען פאַנגען און ער האָט געהערט וויא דער סאָלדאַט זאָגט דעם אינגעל, אז מאָרגען וועלען דיא יעגער געהן אין וואַלד און וועלען שיסען מיט דיא ביקסען, און דערנאָך וויא דער סאָלדאַט האָט געוואָלט פּטור ווערען פון דעם אינגעל'ס פראגען, זאָגענדיג איהם: „בעסער שלאָף, וואַסקאַ,“ און האָט זיך אַליין גלייך צוכראָפּעט. און ווייטער האָט ער געהערט בלויז דאָס הירזשען פון דיא פערד און אין קאָפּ האָט זיך איהם געטומעלט: „קאָן דאָס דען זיין, אז בלויז נעגאַטיוו? נו, איז וואָס־זשע? איך בין ניט שולדיג.“ און ער האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען מאָרגענדיגען טאָג.

„מאָרגען וועל איך אויפשטעהן גאַנץ פריה און וועל ביי זיך בעשליסען ניט צו היצען זיך. וואָס צו פאַנגען איז פאַראַן גענוג. און ווען איך וועל קומען צוריק, וועט שוין זיין א צעטעלע פון קיטי. יא, עס קאָן טאַקע זיין, אז סטיוואַ איז גערעכט? איך בין ניט מאַנהאַפט גענוג מיט איהר, איך בין פערווייבערט געוואָרען... אָבער וואָס איז צו מאַכען! ווידער נעגאַטיוו!“

פון שלאָף האָט ער געהערט וויא וועסלאָווסקי און סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש לאַכען אוןריידען. ער האָט אויף א מאָמענט געעפענט דיא אויגען: דיא לבנה האָט אויפגעשיינט, און זיי זיינען געשטאַנען אין געעפענטען טויער אין'ם שיין פון דער לבנה און האָבען געשמועסט. סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט עפּעס געזאָגט וועגען דער פרישקייט פון'ם מיידעל, און וועסלאָווסקי לאַכענדיג מיט זיין

אַנשטעקענדען געלעכטער, האָט עפּעס ווידערהאָלט דיא ווערטער, וועלכע ער האָט אַמנים געהערט פון דעם פּויער: „דוא. העלף זיך אויס מיט דיינער וויא דוא קאָנסט!“ לעווין האָט שלאָפענדיג ארויסגערעדט: „מיינע הערען, מאָרגען נור טאָג!“ און איז איינגעשלאָפען.

12.

אויפשטעהענדיג נור טאָג, האָט לעווין געפּרופט וועקען זיינע קאַמעראַדען. וואַסענקאַ איז געלעגען אויפ'ן בויך און איז געשלאָפען אזוי געשמאַק, אז ער האָט זיך פון איהם ניט געקאָנט דערשלאָגען קיין ענטפער. אָבלאָנסקי האָט א פערשלאָפענער געענטפערט, אז ער וועט ניט געהן אזוי פריה. אפילו לאַסקאַ, וועלכער איז געשלאָפען צונויפגעדרעהטערהייט וויא א בויגעל, האָט קיין חשק ניט געהאַט אויפצושטעהן און האָט פוילערהייט אויסגעצויגען דיא הינטערשטע פיס איינע נאָך דער אַנדערער. לעווין איז ארויס דרויסען. דיא קוטשאַרעס זיינען געשלאָפען לעבען דיא פוהרען, דיא פערד האָבען געדרעמילט. איין פערד בלויז האָט פוילערהייט געגעסען האָבער, און כראָפּענדיג האָט ער צושאָטען דאָס גע־קייטע האָבער איבערן קאָרעטע. דרויסען איז נאָך געווען גרוי.

— וואָס האָסט דוא זיך אזוי פריה אויפגעכאַפּט, פּריצעל? — האָט דיא אַלטע בעל הבית'טע זיך צו איהם געווענדעט פריינדליך, וויא צו אַן אַלטען בע־קאַנטען, ארויסקומענדיג פון הויז.

— אויף געיעג, מוהמינקע.

— געה הינטערן הויז ארום, פערביי אונזער שייער, ליעבער מענש, און דורך דיא קאַנאָפּליע פעלדער; דאָרט איז א שטעגעלע.

און דיא אַלטע האָט, פאָרזיכטיג טרעטענדיג מיט איהרע באָרפוסע פיס, בעגלייט לעווינען, ווייזענדיג איהם דעם וועג ארום הויז דורך'ן פעלד. לאַסקאַ איז שוין פרעהליך געלאָפען פאָראויס איבער'ן שטעגעל. לעווין איז נאָכגעגאַנ־גען נאָך'ן הונד מיט לייכטע, שנעלע טריט, א קוק טהאָנדיג יעדע ווייַלע צום הימעל. איהם האָט זיך געוועלט, אז דיא זונן זאָל ניט אויפגעהן ביז וואַנען ער וועט שוין זיין אויפ'ן פּלאַץ.

אין דער קלאָהרער שטילקייט פון דעם פריה־מאָרגען האָט מען געקאָנט הערען דיא מינדעסטע קלאַנגען. א ביהנעלע איז מיט א פּייף, וויא א קויל, דורכ־געפלויגען פערביי לעווינס אויער. ער האָט זיך צוגעקוקט און האָט דערזעהן נאָך א צווייטען, א דריטען. אַלע זיינען זיי ארויסגעפלויגען פון הינטערן צאַהם פון ביהנשטאָק, זיינען געפלויגען איבערן קאַנאָפּליע־פעלד און זיינען פערשוואונדען אין דער ריכטונג פון זומפּ. דאָס שטעגעל האָט געפיהרט גלייך אהין. דעם זומפּ האָט מען געקענט דערקענען פון ווייטען פון דעם געדיכטען דאַמפּף, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען פון דאָרט.

# אננא קארענינא

ניט ווייט פון'ם זומפ, אויפ'ן ראנד פון וועג, זיינען געווען פויערים און פויערשע אינגלאך, וועלכע זיינען דא אויף געווען דיא גאנצע נאכט, היטענדיג דיא פערד, וואס האבען זיך געפיטערט אויף דער לאנקע. ניט ווייט פון זיי זיינען ארומגעגאנגען דריי געפענטעטע פערד. איין פערד פון זיי האט שטארק געקלונגען מיט דיא קייטען. לאסקא איז געגאנגען איצט לעבען בעל הבית, בעטענדיג זיך אלץ א לאז צו טהאן זיך פארווערטס. ווען זיי זיינען אריבער דיא שלאפענדע פויערים, האט לעווין ארומגעקוקט זיינע פיסטאנעס און האט א לאז געטהאן לאסקא'ן פארווערטס. לאסקא האט זיך פרעהלאך געטראגען איבער דיא געדיכטע זומפגראז, וואס האט זיך געוויגט אונטער איהר.

ארײנלויפענדיג אין בעוואקסענעם זומפ האט לאסקא באלד צווישען דיא ריחות פון געווירצען און זומפען־גראזען, פון ראסט און פון פערדישע מיסט, דערשמעקט דעם ריח פון דעם פויגעל, וועלכער איז צושפרייט אין דער גאנצער גרויס און ברייט פון דעם פלאץ, פון יענעם שמעקעדיגען פויגעל, וועלכער האט איהם מעהר פון אלע אנדערע גערייצט. פלעצערווייז אין דעם מאך איז דער דאזיגער ריח געווען זעהר שטארק, אבער עס איז געווען שווער צו ענטשיידען, צו וועלכער זייט ער איז געווען שטארקער און צו וועלכער זייט ער איז געווען שוואכער. אום צו געפינען דיא ריכטונג איז נויטיג געווען אבצוגעהן ווייטער געגען ווינד

ניט פיהלענדיג אליין דיא בעוועגונג פון דיא פיס האט זיך לאסקא א טראג געטהאן מיט אן אנשטריינגענדען גאלאפ, אבער אזוי אז ער זאל זיך קאנען אבשטעלען ביי יעדער שפרונג אויב עס וועט נויטיג זיין, איז געשפרונגען אין דער רעכטער זייט, אוועק פון דעם פריה־מארגען ווינד, וועלכער האט געבלאזען פון מזרח־זייט, און האט דערנאך זיך א קעהר געטהאן צום ווינד. ארײנאטהעמענדיג אין זיך דיא לופט מיט ווייט צועפענטע נעזליכער, האט לאסקא דערפיהלט, אז דאס איז ניט בלויז א סליאד פון עופות, נאר זיי אליין טאקע, דיא סאמע עופות זיינען דא געווען; ניט איינער, ניט צוויי נאר פיעלע. לאסקא האט אנגעהויבען צו לויפען לאנגזאמער. זיי זיינען געווען דא טאקע, אבער בעשטימט וואו, איז געווען שווער צו בעשטימען. אום צו בעשטימען דעם פלאץ האט זיך לאסקא אנגעהויבען צו דרעהען אין א קרייז.

אבער פלוצלונג האט דער הונד דערהערט דעם בעל הבית'ס שטימע: „לאסקא! דא!“ האט ער געזאגט אנווייזענדיג גאר אין דער אנדער זייט. לאסקא האט זיך אבגעשטעלט, האט איהם אנגעקוקט, וויא צו פרעגען: צו איז אפשר ניט בעסער ווייטער אויף דעמזעלבען אופן צו זוכען איידער געהן אומזיסט צו דעם פלאץ וואס ער צייגט אן. אבער דער בעל הבית איז בייז געווארען און האט אבגעגעבען דעם בעפעהל, אנווייזענדיג צווישען דיא מאך־בערגלאך, וואו עס איז געווען פערגראסען מיט וואסער און וואו עס האט קיין זאך ניט געקאנט זיין.

לאסקא האט איהם געפאלגט און האט זיך פערשטעלט, וויא מעהר ניט פון יוצא וועגען אום איהם צופריעדען צו שטעלען, און האט כלומרשט געזוכט וואו ער האט געהייסען, און האט זיך באלד אומגעקעהרט צוריק צום פריהערדיגען פלאץ און האט זיי גלייך ווידער דערפיהלט. איצט ווען ער האט ניט געשטערט

האָט שוין לאַסקאַ געוואוסט וואָס צו טאָהן און האָט זיך אָנגעהויבען ווידער דרעהען אין אַ קרייז, וועלכער וועט אַלעס שוין ערקלערען. דער ריח פון די פויגלען האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער איבעררראַשט דעם הונד און ער האָט פּלוצלונג עפּעס דערשפּירט און זיך אָבגעשטעלט: איינער איז דאָ, אַהינטער־יענעם מאָך־בערגעל, פאַר פינף טריט פון דאַנען, און לאַסקאַ איז ווי פערשטאַר־בען געוואָרען מיט׳ן גאַנצען קערפּער. אויף נידעריגע הינטישע פיסלאַך האָט לאַסקאַ גאָר נישט געקאָנט זעהען וואָס דאָרט איז, אָבער פון ריח האָט ער גע־וואוסט, אַז ניט ווייטער ווי פאַר פינף טריט פון דאַנען געפינט זיך איינער. לאַסקאַ איז געשטאַנען אַלץ מעהר שפּירענדיג דעם פאַנג און פיהלענדיג די הנאה פון דעם וואַרטען. לאַסקאַס עק איז געווען אויסגעצויגען און בלויז דער סאַמע ברעגעלע פלעגט זיך אַ צוק טאָהן, דאָס מויל לייכט צועפּענט, די אויער׳ן אָנגעשטעלט, און האָט זיך אומגעקוקט צום בעל הבית, ניט דרעהענדיג דעם קאָפּ, נאָר די אויגען.

ער איז געגאַנגען מיט זיין פּנים, וועלכען לאַסקאַ קען שוין גאַנץ גוט און מיט זיינע סטראַשנע אויגען, אָנשטויסענדיג זיך יעדע ווילע אָן אַ מאָך־בערגעל און לאַסקאַ׳ן האָט זיך געדוכט אַז ער געהט אונגעוועהנליך שטיל, און ער איז געלאָפען. לעווין האָט פערשטאַנען פון לאַסקאַ׳ס זוכען, אַז דער הונד האָט איהם געצויגען צו דופּלען און ער האָט אין האַרצען תּפלה געטאָהן, אַז עס זאָל זיין מיט ערפאָלג, בעזאָנדערס נאָך דער ערשטער פויגעל. ער האָט זיך גענומען לויפען אַהין. ער איז צוגעקומען נאָהענט און האָט ענדליך מיט זיינע אויגען דערזעהן דאָס, וואָס לאַסקאַ האָט געזעהן מיט׳ן נאָז. אין אַן ענגען דורכגאַנג צווי־שען די בערגלעך, פאַר אַ קלאַפטער פון איהם, האָט זיך געזעהן אַ דופּעל. דער פויגעל האָט אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפּ און האָט זיך צוגעהערט, האָט דערנאָך אַ פאָכע געטהאָן מיט די פליגלען, האָט אַ פליה געטהאָן מיט׳ן הינטען און גלייך בעהאַלטען זיך הינטער׳ן ווינקעל.

— פּיל! פּיל! — האָט אַ געשריי געטהאָן לעווין. אַ שטויס טהאָנדיג לאַסקאַ׳ן.

„אָבער איך טאָר דאָך ניט אוועק — האָט געטראַכט לאַסקאַ — וואוהין זאָל איך געהן? פון דאַנען פיהל איך זיי, און אויב איך וועל אוועק פון דאַנען ווייטער, וועל איך שוין גאָר ניט קאָנען פאַרשטעהן, וואו זיי זיינען און ווער זיי זיינען.“ אָבער לעווין האָט לאַסקאַ׳ן ווידער אַ שטויס געטהאָן מיט׳ן קניע, מורמ־לענדיג:

— פּיל, לאַסאָטשקאַ, פּיל!

„נו, אויב דיר ווילט זיך ניט אַנדערש, וועל איך דאָס טהאָן — האָט אַ טראַכט געטהאָן לאַסקאַ — אָבער איך וועל שוין דאַן ניט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר זיך,“ און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן לויפען, קיין זאַך ניט פיהלענדיג, בלויז זעהענדיג און הערענדיג, אָבער קיין זאַך ניט פאַרשטעהענדיג. אין דער זעקונדע האָט זיך פאַר אַ טריט צעהן אַ הויב געטהאָן אַ דופּעל. אַ שאָס און באַלד נאָך דעם האָט זיך דערהערט, ווי די ווייסע ברוסט פון פויגעל שליאָפּעט זיך איבער׳ן וואַ־סער־זומפּ. אַן אַנדערער האָט ניט געוואַרט אויפ׳ן הונד און האָט זיך אַליין אַ

הויב געטהאָן פון הינטער לעווינען. ווען לעווין האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, איז ער שוין געווען ווייט, אָבער דער שאָס האָט איהם דערגרייכט. ער איז געפלויגען נאָך אַ צוואַנציג טריט, האָט זיך דערנאָך אַ קוליע געטהאָן און איז שווער אראָבגעפאַלען אויף אַ טרוקענעם פּלאַץ.

„אָט אַזוי וועט עס זיין אַ ביסעל אַ טאָלק!“ האָט געטראַכט לעווין אריינ־רוקענדיג אין יאַגד־טאַש דיא פּעטע, וואַרעמע דופּעלען. „אַ לאַסאַטשקע, וועט זיין אַ טאָלק?“

13.

דער סימן פון דיא יעגער, אַז אויב מען האָט ניט פערנאַכלעסיגט דיא ערשטע חיה אָדער דעם ערשטען פויגעל, וועט שוין דאַן דורכאויס געהן מיט ערפאָלג האָט זיך געוויזען איצט אַלס ריכטיג.

אַ מיעדער, אַ הונגעריגער, אַ גליקליכער, האָט לעווין אַ זייגער צעהען פאַר מיטאַג אומגעקעהרט זיך צוריק מיט נײַנצעהן שטיק דופּעלען און בעקאַסען און מיט איין ענטעל, וועלכען ער האָט צוגעבונדען צום גורט, ווארום אין יאַגד־טאַש איז שוין מעהר ניט געקראָכען. זיינע קאַמעראַדען זיינען שוין לאַנג געווען אויפגעשטאַנען און האָבען בעוויזען אויסצוהונגערן זיך און אָבצופריהשטיקען.

— וואַרט, וואַרט, ניטאָ וואָס צו צעהלען, איך וויים אַז נײַנצעהן — האָט געזאָגט לעווין. דיא צאָהל איז געווען ריכטיג און לעווינען איז געווען אַנגענעהם צו זעהען וויא סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז איהם מקנא. ער האָט הנאה געהאַט פון נאָך אַ זאַך. ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון געיעג האָט ער שוין געפונען אַ צוגעשיקטען מענשען מיט קיטים אַ צעטעלע, אין וועלכען זיא שרייבט:

„איך בין פאָלשטענדיג געזונד און פרעהלאַך. אויב דו ביסט בעזאָרגט וועגען מיר, מעגסט דוא זיך בערוהיגען און זיין נאָך רוהיגער וויא פריהער. איך האָב שוין אַ לייב־וועכטער, מאַריאַ וולאסיעוונאַ (דאָס איז געווען דיא אַקושערקע, אַ נייע וויכטיגע פערזאָן אין לעווינס פאַמיליען־לעבען). זיא איז געקומען צו־פאָהרען מיך געוואָהר ווערען, האָט איינגעפונען אַז איך בין פאָלשטענדיג געזונד און מיר האָבען זיא פערהאַלטען ביז דו וועכט זיך אומקעהרען. אַלע זיינען פרעה־לאַך, געזונד און דו דאַרפסט זיך ניט איילען; אויב דאָס געיעג געהט בלייב אויף נאָך אַ טאָג.“

דיא דאָזיגע צוויי שמחות, דיא גליקליכע יאַגד און דאָס צעטעלע פון דער־פרוי, זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז צוויי אונאַנגענעהמליכקייטען וועלכע האָבען דערנאָך פּאַסירט, זיינען פערביי לייכט פאַר לעווינען. איין אונאַנגענעהמליכקייט איז געווען וואָס דער רויטער פערד, וועלכער האָט זיך אַפּנים נעכטען איבערגע־האָרעוועט, האָט אויפגעהערט צו עסען און איז עפּעס געווען אומעטיג. דעם קו־טשערס מיינונג איז געווען, אַז דער פערד האָט זיך אונטערגעריסען.

— מען האט צופיעל געטריבען נעכטען, קאנסטאנטין דמיטריטש — האט דער קוטשער געזאגט — וויא דען, אז מען האט גאנצע צעהן ווערסט געיאגט ניט אויפ'ן רעכטען וועג.

דיא צווייטע אונאנגענעהמליכקייט איז בעשטאנען דעריין, וואס פון דער גאנצער פראוויזיאן, וואס קיטי האט אנגעפאקט אזוי פיעל, אז עס האט זיך געדוכט אז מען וועט דאס ניט איינפעסען אין א וואך, איז שוין גאר נישט געבליבען. ער האט זיך אומגעקעהרט א מיעדער, א הונגעריגער פון געיעג און האט אזוי פאנטאזירט וועגען דיא פיראזשקעס, און געפונען האט ער, אז ניט נור פון דיא פיראזשקעס איז קיין זכר ניט געבליבען נור אויך פון דיא געבראטענע היהנדעלאך איז שוין קיין סימן ניט געוועז.

— דאס איז אביסעל אן אפעטיט — האט געזאגט מיט א געלעכטער סטעפאן ארקאדיעוויטש אנווייזענדיג אויף וואסענקא וועסלאווסקי — איך קאן זיך דאך אויך ניט בעקלאגען אז מיר פעהלט אפעטיט, אבער אט דער דאזיגער, דאס איז דאך א וואונדערליכע זאך....

— נו, וואס קאן מען מאכען! — האט געזאגט לעווין בייזלאך קוקענדיג אויף וועסלאווסקין. — נו, פיליפ, דערלאנג א שטיקעל קאלטע פלייש.

— דיא פלייש האבען זיי אויפגעגעסען און דיא ביינער פאר דיא הינד אוועקגעגעבען — האט געענטפערט פיליפ.

לעווינען האט דאס אזוי געערגערט, אז ער האט מיט פערדרוס א זאג געטאהן: וואלט איהר לכל הפחות וואס ניט איז פאר מיר געלאזען. — און ער האט זיך שיער צוואוויינט פון קריינקונג.

דערנאך שוין ווען ער האט זיך אנגעגעסען מיט ברויט און מילך, האט איהם שטארק פערדראסען, וואס ער האט א פרעמדען מענשען ארויסגעזאגט אזעלכע קריינקליכע ווערטער און ער האט זיך אליין צולאכט פון זיין הונגעריגען כעס.

אין אבענד זיינען זיי נאך אביסעל געגאנגען אויף געיעג. וועסלאווסקין איז געלונגען צו דערשיסען נאך עטליכע שטיק, און ביינאכט זיינען זיי געפאהרען צוריק אהיים. דער וועג צוריק איז געוועזען אויך אזוי פרעהלאך וויא דער וועג אהין.

— אין אלגעמיין בין איך שרעקליך צופריעדען פון אונזער רייזע — האט א זאג געטאהן וואכענקא — און איהר, לעווין?

— איך בין העכסט צופריעדען — האט מיט אויפריכטיגקייט געזאגט לעווין. איהם איז געוועזען בעזונדער אנגענעהם, וואס ער פיהלט איצט ניט, ניט נור קיין פיינדשאפט, וויא ער האט דאס אין דערהיים געפיהלט געגען וואסקא וועסלאווסקי, נור פארקעהרט פיהלט צו איהם עפעס א ווארעמע פריינדשאפט.

## 14.

אויף מארגען א זייגער צעהן, נאך דעם וויא ער האט בעקוקט אלעס נויטיגעס אין דער ווירטהשאפט, האט לעווין אנגעקלאפט צו וואסענקא וועסלאווסקי אין טהיר פון צימער, וואו דער האט גענעכטיגט.

— אנטרע! — האט א געשריי געטאהן וועסלאווסקי — ענטשולדיגט מיר וואס איך בין נאך אזוי — האט געזאגט מיט א שמייכעל וואסענקא, שטעהענדיג נאך אין דיא אונטערוועש.

— א, ניט זשענירט זיך, איך בעט אייך — האט געזאגט לעווין און האט זיך צוגעזעצט אויפ'ן ברעג פענסטער — האט איהר גוט געשלאפען?

— וויא א געהרג'עטער. און וואס פאר א פרעכטיגער טאג היינט וואלט געוועזן פאר געיעג?

— וואס טרינקט איהר: טהעע אדער קאפעע?

— ניט איינס און ניט דאס אנדערע. איך עסס פריהשטיק. איך שעהם זיך ווירקליך. דיא דאמען זיינען שוין געווים אויף? איצט וואלט געוועזן א פערגעניגען דורכצוגעהן זיך. וויזט מיר אייערע פערד.

לעווין איז מיט איהם דורכגעגאנגען זיך אין גא־טען, בעזוכט מיט איהם דיא שטאהלען, געמאכט דערנאך גימנאסטיק צוזאמען, און האט זיך ענדליך מיט'ן גאסט אומגעקעהרט אין הויז און אריין אין זאל.

— מיר האבען געהאט פרעכטיגע געיעג, און וויפיעל אנגענעהמע איינדריקע! — האט וועסלאווסקי געזאגט צוגעהענדיג צו קיטי, וועלכע איז געזעסען לעבען סאמאוואר — וויא שאדע, וואס דאמען קאנען ניט האבען דעם פערגעניגען.

„נו, וואס איז דארטען דעריין — האט זיך געטראכט לעווין — ער דארף דאך עפעס ריידען מיט דער ווירטהין פון הויז". און איהם האט זיך ווידער געדוכט אז ער מערקט עפעס אין דעם זיעגרייכען בליק, מיט וועלכען וועסלאווסקי קוקט אויף קיטי....

דיא אלטע פירסטין, וועלכע איז געזעסען פון דער צווייטער זייט טיש מיט מאריא וולאסיעוונא און סטעפאן ארקאדיעוויטש, האט צוגערופען לעווינען צו זיך און האט מיט איהם פארפיהרט א געשפרעך וועגען דער נויטיגקייט, אז קיטי זאל פאהרען קיין מאסקווא געלעגען ווערן און אז מען דארף שוין אבזוכען א קוואַרטיר.

— איך ווייס קיין זאך ניט, פירסטין, טהוט וויא איהר פארשטעהט, וויא איהר ווילט — האט ער געענטפערט.

— מען דארף דאך אבער בעשליסען ווען איהר זאלט זיך אריבערקלייבען.

— איך ווייס ווירקליך ניט. איך ווייס בלויז, אז עס ווערן געבארען מיליאנען קינדער אהן מאסקווא און אהן דאקטוירים.... פאר וואס־זשע זאל....

— נו, אויב אַזוי....

— ניין, זאָל זיין וויא קיטי פערלאַנגט.

— מיט קיטין איז ניטאָ וועגען דעם וואָס צו ריידען! וואָס־זשע ווילסט דוא איך זאָל זיא אנשרעקען? אָט האָט ערשט האיאָהר געטראָפען אַז נאַטאַליא גאַליצינא איז געשטאָרבען פון קינדפּעט איבער אַ שלעכטען אַקושאַר.

— וויא איהר וועט הייסען אַזוי וועל איך טאָהן — האָט ער געזאָגט פערדרוסליך.

דיא פירסטין האָט צו איהם אָנגעהויבען ריידען, אָבער ער האָט זיך ניט צוגעהערט. און אָבוואָהל דיא פירסטינס רייד זיינען איהם געוועזן אונאַנגענעהם, פון דעסטוועגען איז זיין איצטיגע שלעכטע שטימונג און זיין בייזקייט ניט געוועזן מחמת דעם, נור דערפון וואָס ער האָט געזעהען וואָס עס טהוט זיך לעבען סאַמאָוואַר.

„ניין, דאָס איז אונמעגליך“, האָט ער געטראַכט זעהענדיג וויא וואסענקא האָט זיך צוגעבייגט צו קיטי און פיהרט מיט איהר אַ געשפּרעך שיינענדיג מיט זיין שעהנעם שמייכעל, און ער האָט געזעהען וויא זיא איז געוואָרען רויט און אונרוהיג.

אין וואַסענקאַס פּאָזע איז געוועזן עפּעס אונריינעס, און אַזוי אין זיין בליק און אין זיין שמייכעל. און לעווין האָט געזעהען עפּעס אונריינעס אפילו אין קיטי'ס פּאָזע און אין איהר בליק. און אין זיינע אויגען האָט זיך ווידער פערלאָשען דער ליכטיגער בליק; ווידער אַזוי וויא פאָרגעסטערן האָט ער געפיהלט וויא ער וואָלט אַראָבגעשליידערט געוואָרען פון דער הויך פון זיין גליק, פון זיין רוהיגקייט און פון זיין ווירדע, אין אַן אבגרונד פון פערצווייפלונג, פון בייזקייט און ערניעדריגונג. ווידער זיינען איהם אַלע פערהאַסט געוואָרען.

— איז טהוט דאָך אַזוי וויא איהר ווילט, פירסטין — האָט ער אַ זאָג געטאָהן און האָט זיך ווידער אומגעקוקט אַהין צום סאַמאָוואַר.

— שווער איז מאַנאַמאַך'ס היטעל! — האָט איהם וויצלענדיג אַ זאָג געטאָהן סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, אָנדייטענדיג אפּנים ניט בלויז אויף זיין געשפּרעך מיט דער פירסטין, נור אויך אויף זיין אונרוהיגקייט, וועלכע סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט באַמערקט — וויא שפּעט דוא ביסט היינט, דאַלי.

אַלע האָבען זיך איצט אומגעקוקט צו דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא. וואסענקא האָט זיך אַ הויב געטאָהן, האָט זיך עטוואָס פערנייגט און האָט זיך ווייטער צורעדט מיט קיטין, צולאַכענדיג זיך עפּעס פּלוצלונג.

— מיך האָט מאַשאַ פערמאַטערט, זיא האָט שלעכט געשלאָפען און איז היינט עפּעס זעהר קאַפּריזנע — האָט געענטפערט דאַלי.

דאָס געשפּרעך וואָס האָט זיך פערבונדען צווישען קיטי און וועסלאָווסקין איז ווידער געוועזן וועגען אננא'ן און וועגען דעם צי קאָן דער לעבען אָוועקגעשטעלט ווערען העכער איידער דיא געזעלשאַפטליכע אומשטענדען. קיטין איז דאָס געשפּרעך געוועזן זעהר אונאַנגענעהם; זיא האָט ניט געקאָנט ליידען ניט דעם אינהאַלט פון דעם געשפּרעך און ניט דעם טאָן, מיט וועלכען וועסלאָווסקי האָט דעם געשפּרעך געפיהרט, און בפרט נאָך אַז זיא האָט געוואוסט

וויא דאָס ווירקט אויף איהר כּאַן. אָבער זיא איז געוועזן צו אונשולדיג און איינפאַך, אַז זיא זאָל קאָנען אָבהאַקען דעם געשפּרעך אָדער אפילו ניט ארויס־ווייזען דיא אויסערליכע צופריעדענהייט פון דעם, וואָס דער דאָזיגער יונגער מענש צאָהלט איהר אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט. זיא האָט געוואָלט וויא עס איז אָבקירצען דעם געשפּרעך, זיא האָט אָבער ניט געוואוסט וויא דאָס צו טאָהן.

זיא האָט געוואוסט, אַז וויא זיא זאָל דאָס ניט טהאָן, וועט דאָס פון איהר מאַן גלייך בעמערקט ווערען און מסתמא פערטייטשט ווערען צו שלעכ־טען. און ווירקליך, ווען זיא האָט א פרעג געטהאָן דאללין, וואָס פעהלט מאשאַן, און וואכענקא האָט בשעת מעשה געקוקט גלייכגילטיג אויף דאללי, ווארטענדיג ווען עס וועט זיך ענדיגען דער לאַנגווייליגער שמועס צווישען דיא צוויי שוועסטער, האָט קיטים פראגע אויסגעוויזען פאַר לעווינען אלס ניט נאַטירליך, אלס עפּעס א כיטרע פאַרשטעלטקייט.

— וואָס, ווען מיר היינט פאָהרען נאָך שוועמלעך? — האָט א פרעג געטהאָן דאללי.

— לאָמיר פאָהרען, ווירקליך, איך וועל אויך פאָהרען — האָט געזאָגט קיטי, און איז רויט געוואָרען. זיא האָט פון העפליכקייט וועגען געוועלט א פרעג טהאָן וואסענקאַן צו וועט ער מיטפאָהרען, זיא האָט אָבער ניט געפרעגט. — וואוהין געהסט דוא, קאָסטיא? — האָט זיא א פרעג געטהאָן דעם מאַן, וויא א פערשולדיגטע, זעהענדיג וויא ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז מיט ענטשלאָ־סענע טריט פערבייגעגאַנגען פערביי איהר. דער פערשולדיגטער אויסדרוק פון איהר פּנים האָט פאַר איהם בעשטעטיגט זיין פערדאַכט.

— איך געה, דער מאשיניסט איז געקומען צופאָהרען אהער, ווען איך בין ניט געוועזן און איך האָב איהם נאָך ניט געזעהען — האָט ער געזאָגט ניט קוקענדיג אויף איהר.

ער איז אראָבגעגאַנגען אונטען, ער האָט אָבער נאָך ניט צייט געהאַט ארויסגעהען פון קאַבינעט, וויא ער האָט דערהערט זיין פרוי׳ס בעקאַנטע טריט; זיא איז אונפאָרזיכטיג שנעל געגאַנגען צו איהם.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט ער איהר געזאָגט טרוקען — מיר זיינען באשעפטיגט.

— ענטשולדיגט מיר — האָט זיא זיך געווענדעט צו דעם דייטשען מאשיניסט — איך דאַרף בלויז עטליכע ווערטער זאָגען מיין מאַן.

דער דייטש האָט געוואָלט ארויסגעהען, אָבער לעווין האָט איהם געזאָגט:

— בעאונרוהיגט זיך ניט.

— דער צוג געהט אָב אום דריי? — האָט א פרעג געטהאָן דער דייטש — איך וואָלט ניט וועלען פערשפּעטיגען.

לעווין האָט איהם ניט געענטפערט און איז אליין ארויס מיט דער פרוי.

— נו, וואָס ווילט איהר מיר זאָגען? — האָט ער א פרעג געטהאָן אויף פראנצויזיש.

# אננא קארענינא

ער האָט ניט געקוקט אויף איהר געזיכט און האָט ניט געוועלט זעהן, וויא זיא ציטערט, אין איהר לאַגע, און וויא איהר פּנים איז נידערגעשלאָגען.

— איך . . . איך וויל זאָגען, אז אזוי איז דאָך אונמעגליך צו לעבען, אז דאָס איז דאָך אַ מאַטערניש . . . — האָט זיא ארויסגערעדט.

— דאָ זיינען מענשען אין בופעט — האָט ער אַ זאָג געטהאָן מיט כעס — מאַכט ניט קיין סצענעס.

— נו, לאָמיר געהן אהער!

זיי זיינען געשטאַנען אין דורכגאַנגס־צימער. קיטי האָט געוועלט אריינ־געהן אין צווייטען צימער, אָבער דאָרט איז געזעסען דיא ענגלענדערין און האָט געלערנט מיט טאַניאַן.

— נו, דאַן לאָמיר אריינגעהן אין גאַרטען!

אין גאַרטען האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אויף אַ פּויער, וואָס האָט גע־רייניגט דעם וועג. ניט טראַכטענדיג שוין וועגען דעם וואָס דער פּויער זעהט איהר פערוויינטען פּנים, ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי זעהען ביידע אויס וויא מענשען וועלכע אנטלויפען פון אַן אונגליק, זיינען זיי מיט שנעלע טריט געגאַנ־גען פאָרווערטס, פיהלענדיג אַז זיי מוזען זיך אויסריידען און פערזיכערען איינער דעם צווייטען, זיין צוזאַמען, אליין פאַר זיך, אַ ווײלע, און בעפרייען זיך פון דיא פּייניגונג, וואָס זיי האָבען ביידע געפּיהלט.

— אזוי לעבען איז דאָך ניט מעגליך! דאָס איז דאָך אַ קוואַל! איך לייד, דו ליידסט. פאַר וואָס! — האָט זיא געזאָגט, ווען זיי האָבען ענדליך דער־קליבען זיך צו אַן אָבגעזונדערטען ביינקעל אויפ'ן ווינקעל פון דער ליפּאַווער אַלעע.

— אָבער דו זאָג מיר איין זאַך: איז אין זיין טאָן געווען עפּעס אזעלכעס אונאַנשטענדיגעס, שרעקליך ערנידעריגענדעס? — האָט ער גערעדט, שטעהענ־דיג פאַר איהר אין דערזעלבער פּאָזע וויא דאַן ביינאַכט, מיט דיא פויסטען צו־געדריקט צו זיין ברוסט.

— יאָ — האָט זיא געענטפערט מיט אַ ציטעריגער שטימע — אָבער, קאָסטיא, זעהסט דו דען ניט, אַז איך בין דאָך אָבער ניט שולדיג? איך האָב פון אין־דער־פריה אָן געוואָלט אָנווענדען אזאַ טאָן, אַ... אָבער דיא דאָזיגע מענ־שען... צו וואָס איז ער געקומען אהער? וויא גליקליך מיר זיינען ביידע געווען! — האָט זיא גערעדט, אַ געשטיקטע פון שלוכצען, וועלכע האָבען געהויבען איהר גאַנצען פול געוואָרענעם קערפּער.

דער גערטנער האָט אַ פערוואונדערטער געזעהען פריהער וויא זיי זיינען געלאָפען, אָבוואָהל קיינער האָט זיך נאָך זיי ניט געיאָגט, און ער האָט געזעהען איצט וויא זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין הויז בערוהיגטע, מיט שיינענדע פּנים'ער.

## .15

נאך דעם וויא ער האט בעגלייט זיין פרוי אין דיא אויבערשטע צימערן, איז לעווין אוועק אין דאללים אבטהיילונג. דאריא אלעקסאנדראוונא, פון איהר זייט, איז היינט געווען אין גרויס פערדרוס. זיא איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער און האט זיך געבייזערט אויף איהר וויינענדיגער מיידעלע, וועלכע איז געשטאנען אין ווינקעל.

— א גאנצען טאג וועסט דוא מיר אזוי שטעהן אין ווינקעל, און עסען וויכט דוא בעזונדער, איינע אליין, און קיין איין פופע וועסט דוא ניט אנזעהען, און קיין נייע קלייד וועל איך דיר ניט נעהען — האט דיא מוטער אלץ געטענה'ט, ניט וויסענדיג מיט וואס נאך זיא קאן זיא בעשטראפען — ניין, דאס איז א שלעכטע מיידעלע! האט זיא זיך געווענדעט צום אריינקומענדען לעווין, וועלכער האט זיך מיט איהר געוואלט בעראטהען וועגען זיינע אנגעלעגענהייטען און איז געווען געקריינקט וואס ער האט דא ניט געטראפען צום רומעל.

— זיא איז מיט גרישען אוועק אין דיא מאלינע, און דארט, א, איך קאן ואר אפילו אייך ניט דערצעהלען וואס זיי האבען דארט אבגעטהאן.

און דאריא אלעקסאנדראוונא האט איהם דערצעהלט, וואס זיא מיט גרישא'ן האבען דארט פארפיהרט.

— אבער וואס איז דארט אזוינס? — האט זיך אנגענומען לעווין פאר דער פערזינדיגטער — דאס איז חלילה ניט קיין פערדארבענהייט, דאס איז בלויז זיינפאכע שטיפעריי, וואס איז דיא סכנה? — האט ער בערוהיגט דיא מוטער.

— און וואס ביסטו דוא עפעס אזוי צוטראגען? — האט איהם א פרעג געטהאן דאללי — וואו ביסט דוא געווען?

— איך בין ארומגעגאנגען אין גארטען מיט קיטי'ן. מיר האבען זיך שוין צום צווייטען מאהל צוקריגט זינט . . . זינט כטיווא איז געקומען צופאהרען.

דאללי האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט א קלוגען, פערשטעהנדיגען בליק.

— נו, זאג מיר, ארויפלייגענדיג דיא האנד אויפן הארצען, איז דען געוועזן . . . ניט אין קיטים רייד, נור אין דיא רייד פון דעם דאזיגען העררען עפעס אזא טאן, וואס קאן זיין אונאנגענעהם, ניט אונאנגענעהם, נור שרעקליך, בעלייזדיגענדיג פאר א מאן.

— דאס הייסט, וויא זאל איך דיר זאגען... שטעה, שטעה דארט אין ווינקעל! — האט זיא זיך דערוויילט א קעהר געטהאן צו מאשאן, וועלכע האט דערזעהען א שמייכעל אויף דער מוטערס פנים און זיא האט זיך שוין א קעהר געטהאן — דאס הייסט, דיא געזעלשאפטליכע מיינונג וואלט געזאגט, אז ער

פיהרט זיך, וויא עס פיהרען זיך אַלע יונגע מענשען. חנ׳דלען זיך צו אַ יונגער און היפשער דאַמע, אַ מאַן פון געזעלשאַפט קאָן נור דערפון פיהלען זיך געשמייכעלט.

— יאַ, יאַ — האָט טרויעריג געזאָגט לעווין — אָבער דוא האָסט דאָך באַמערקט ?

— ניט בלויז איך, נור סטיוואַ האָט אויך באַמערקט. ער האָט דאָס מיר געזאָגט גלייך נאָך דעם טהעע.

— דאַן איז גוט, איצט בין איך רוהיג. איך וועל איהם ארויסיאָגען — האָט געזאָגט לעווין.

— וואָס, ביסט דוא פון זינען אראָב ? — האָט אַ צושראָקענע אַ געשריי געטהאָן דאַללי — וואָס רעדסט דוא, קאָסטיא, באַדיינק דאָך ! — האָט זיא געזאָגט לאַכענדיג. — ניין, אויב דוא ווילסט וועל איך בעסער זאָגען כטיוועןּ ער וועט איהם אַוועקפיהרען צוריק. מען קאָן זאָגען, אַז דוא ערוואַרטעסט געסט. אין אַלגעמיין איז ער ניט קיין פּאַסיגער פּאַר אונזער הויז.

— ניין, ניין, איך וועל דאָס אַליין.

— דוא וועסט זיך מיט איהם צוקריגען ? . . .

— עס הויבט זיך ניט אָן. מיר וועט דאָס נור פערשאַפען פרייד — האָט געזאָגט לעווין און זיינע אויגען האָבען געגלענצט — נו, פערצייהע איהר שוין, דאַללי, זיא וועט מעהר ניט שטיפען — האָט ער איינגעבעטען דיא מוטער פּאַר דער פערשטיפטער מיידעלע. און ער איז אַוועק אָבזוכען וועסלאַווסקי׳ן.

דורכגעהענדיג דעם פּאָדער־צימער האָט ער דערוויילע געהייסען, אַז מען זאָל שפּאַנען אַ קאַליאַסקע אויף צו פּאָהרען צו דער אייזענבאַהן סטאַציאָן.

— עס האָבען זיך צובראָכען נעכטען דיא רעסאָרען — האָט געענטפערט דער לאַקיי — מען דאַרף פערריכטען.

— נו, היים שפּאַנען אַ טאַראַנטאַס, אָבער שנעל. וואו איז דער גאַסט ?

— זיי זיינען אַוועק אין זייער צימער.

לעווין האָט געפונען וואַסענקאַן ביי זיך אין צימער, וויא ער צונעהמט זיינע זאַכען און מאַכט צורעכט זיינע רייט־קליידער אויף צו קאָנען געהן רייטען.

איז עפּעס אַזוינס געוועזען צו דערקענען פון לעווינס פּנים אָדער וואַסענקא אַליין האָט עפּעס דערפיהלט אַז דיא חן׳דלעך וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט, זיינען געוועזען גאַנץ אונפּאַסיג אין דער דאָזיגער פאַמיליע, אָבער ער איז עפּעס געוואָרען אין פערלעגענהייט ווען לעווין איז אריינגעקומען.

— טהוט איהר זיך אַזוי אָן צום רייטען ?

— יאַ, אַזוי קומט אויס ריינער — האָט געזאָגט וואַסענקא און האָט אַוועקגעשטעלט זיין פעטע פוס אויף אַ שטוהל און האָט אָנגעהויבען פערשפּילען דיא לעדערנע כאַליעווקעס, שמייכלענדיג גוטמוטהיג.

קיין צווייפעל ניט, אַז ער איז אַ וואוילער קערל, און לעווינען האָט עפּעס פערדראָסען אויף זיך אַליין אַלס בעל הבית פון הויז, ווען ער האָט באַמערקט עפּעס אַ מילדקייט אין וואַסענקא׳ס פּנים. ער האָט ניט געוואוסט וויא אָנצוהויבען. ער האָט אויפגעהויבען אַ שטיקעל צובראָכענעם שטעקען און האָט אָנגעהויבען ווייטער צו ברעכען איהם, זאָגענדיג :

— איך האָב געוועלט — און ער איז אנשווינגען געוואָרען, האָט זיך אָבער באלד דערמאָהנט אויף קיטי און אויף אלעס, וואָס איז פאָרגעקומען און האָט ענטשלאָסען געזאָגט — איך האָב געהייסען שפּאַנען פון אייערט וועגען.

— דאָס הייסט, וויא ? — האָט אָנגעהויבען וואסענקא א פערוואונדער־מערטער — וואָהין דען פאָהרען ?

— פאַר אייך, איהר זאָלט פאָהרען צום אייזענבאהן — האָט טרויעריג געזאָגט לעווין, שציפּענדיג דעם ברעג פון צובראָכענעם שטעקען.

— איהר פאָהרט דען אוועק אָדער האָט וואָס פּאסירט ?

— עס האָט פאסירט, אז איך ערוואַרט געסט — האָט געזאָגט לעווין אלץ שנעלער רייסענדיג דיא צובראָכענע שטיקלעך פון ברעג שטעקען — און עס האָט קיין זאַך ניט פּאסירט און איך ערוואַרט ניט קיין געסט, נור איך בעט אייך אוועקפאָהרען. איהר קאָנט זיך פערטייטשען מיין אונהעפליכקייט וויא איהר ווילט.

וואסענקא האָט זיך אויסגעגלייכט.

— איך בעט א י י ך מיר צו ערקלעהרען — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלצער ווירדע, פאַרשטעהענדיג ענדליך.

— איך קאָן אייך ניט ערקלעהרען און איהר פרעגט זיך בעסער ניט נאָך.

אזוי וויא דיא צושפּאלטענע ברעגען פון שטעקען זיינען שוין געוועזן אין גאנצען צוצופּט, האָט לעווין אָנגעכאפּטביידע זייטען פון ברעג און האָט צוריסען דעם שטעקען אין העלפט אונטערכאפּענדיג מיט'ן האנד איין העלפט, וואָס האָט געהאלטען ביים אראָבפאלען.

אפּנים דאָס אָנזעהען פון דיא דאָזיגע הענד, דיזעלביגע מוסקולען וועלכע ער האָט היינט אין דער פריה אליין אָנגעטאפּט מאכענדיג מיט לעווינען גימנאסטיק, און דיא גלאנציגע אויגען און שטילע שטימע, האָבען איבערצייגט וואסענקאן מעהר איידער ווערטער.

וואסענקא האָט א קוועטש געטהאָן מיט דיא אקסלען, האָט מיט פעראכטונג א שמייכעל געטהאָן און האָט זיך פערנייגט, פרעגענדיג :

— מעג איך זעהען אבלאנסקי'ן ?

דאָס דריקען מיט דיא אקסלען און דער שמייכעל האָבען לעווינען ניט אויפגעבראכט: „וואָס קאָן איהם בלייבען מעהר צו טהאָן?“ האָט א טראכט געטהאָן לעווין.

— איך וועל אייך איהם גלייך שיקען.

— וואָס איז דאָס פאַר אן אונזינן ! — האָט א זאָג געטהאָן סטעפּאן ארקאדיעוויטש, ווען ער האָט זיך דערוויסט פון זיין פריינד, אז מען טרייבט איהם ארויס פון הויז. און אויפזוכענדיג לעווינען אין גארטען, וואו ער האָט געשפּאצירט, ווארטענדיג אויף דעם גאסטס אָבפאָהרען, האָט ער א פרעג געטהאָן : — וואָס פאַר א פליג האָט דיך איינגעביסען? דאָס איז דאָך לעכערליך! וואָס האָט זיך דיר געקאָנט דוכטען, ווען א יונגער מענש . . .

אָבער דער פלאַץ, וואו דיא פליג האָט איינגעביסען לעווינען האָט נאָך יועה געטהאָן, ווארום ער איז בלייך געוואָרען ווען סטעפּאן ארקאדיעוויטש האָט

געוועלט ער זאל איהם ערקלעהרען דיא אורזאכע, און ער האט איהם מיט אימפעט איבערגעשלאגען:

— איך בעט דיך, קיינע ערקלעהרונגען פון קיין אורזאכען! איך קאן אנדערש ניט! עס פארדריסט מיך זעהר פאר דיר און פאר איהם. אבער איך מיין, אז איהם וועט דאס אבפאהרען ניט פעראורזאכען קיין שמערצען, און מיר און מיין פרוי איז זיין אנוועזענהייט אונאנגענעהם.

— אבער דאס איז דאך פאר איהם א בעליידיגונג!

— און פאר מיר איז דאס אי א בעליידיגונג, אי א פייניגונג! און איך בין גאנץ אונשולדיג און איך זעה ניט פאר וואס איך דארף דערפון ליידען!

— נו, דאס האב איך שוין פון דיר ניט ערווארט!

לעווין האט זיך שנעל אוועקגעקעהרט פון איהם און איז אוועק אין דער טיעפעניש פון דער אלעע און האט פארטגעזעצט אומצוגעהן אהין און צוריק. באלד האט ער דערהערט דאס גערודער פון טאראנטאס און האט דערזעהען צווישען דיא בוימער, וויא וואסענקא זיצענדיג אויף דיא אונטערגעבעטע היי אין טאראנטאס מיט זיין שאטלענדישע היטעלע, איז דורכגעפאהרען פערביי דער אלעע.

„וואס איז דאס?“ האט א טראכט געטאהן לעווין ווען דער לאקיי איז ארויסגעלאפען פון הויז און האט אבגעשטעלט דעם טאראנטאס. דאס איז געוועזען דער מאשיניסט, אויף וועלכען לעווין האט אין גאנצען פערגעסען. דער מאשיניסט איז צוגעלאפען צום טאראנטאס האט עפעס געזאגט וועסלאווסקען, האט זיך דערנאך ארייגעזעצט אין טאראנטאס און זיי זיינען צוזאמען אוועקגעפאהרען.

סטעפאן ארקאדיעוויטש און דיא פירסטין זיינען געוועזען שרעקליך אויפגעבראכט געגען לעווין'ס האנדלונג. און ער אליין האט זיך אויך געפיהלט ניט נור לעכערליך ביז צום העכסטען גראד, נור אויך דורכאויס שולדיג און באשעהמט. ער האט זיך אבער דערמאנט וואס ער און זיין פרוי האבען דורכגעליטען, האט זיך אליין געזאגט, אז ווען עס זאל טרעפען נאך אמאהל וועט ער ווידער אזוי טהאן.

ניט קוקענדיג דערויף זיינען אלע צו אבענד געווארען אונגעוועהנליך לעבהאפט און פרעהליך, מיט דער אויסנאהם פון דער פירסטין, וועלכע האט לעווינען ניט געקאנט פערצייהען פאר זיין האנדלונג; זיי האבען זיך אלע געפיהלט וויא קינדער נאך דעם וויא זיי זיינען אבגעקומען א שטראף, אדער וויא ערוואקסענע נאך א שווערער אפיציעלער אויפנאהמע, אזוי אז אין אבענד האט מען וועגען וואסענקא'ס ארויסגעיאגט ווערען גערעדט וויא וועגען אן אלטער פאסירונג. און דאללי, וועלכע האט פון דעם פאטער געירש'ענט דיא פעהיגקייט צו קאנען קאמיש איבערגעבען אן ערצעהלונג, האט געצוואונגען ווארענקא'ן צו האלטען זיך פאר דיא זייטען פון לאכען, ווען זיא האט צום דריטען און פערטען מאהל איבערדערצעהלט, וויא נור־וואס זיא האט געוואלט צוגרייטען בענדעלעך פאר דעם גאסט, ערשט זיא דערהערט פלוצלונג וויא עס רודערן דיא רעדער פון דעם שווערען וואגען. און אין וואגען איז ווער? — אליין וואסענקא, מיט זיין שאטלענדיש

היטעלע, מיט דיא ראָמאַנסען, מיט דיא לעדערנע כאַליעוועקעס צום רייטען אין זיצט אויף דיא היי.

— וואָלסט דוא וויינינגסטענס הייסען איינשפּאַנען א קארעטע! ניין, דוקא ניט. און דערנאָך הער איך: „וואַרט, שטעה!" נו, דיינק איך מיר, מסתמא שוין רחמנות געקראָגען אויף איהם. איך זעה, עס זעצט זיך גאָר לעבען איהם אוועק דער גראָבער טייטש. און מען האָט זיי אַוועקגעפיהרט... פערפאלען מיינע בענדרעלעך!...

.16

דאריא אלעקסאַנדראָוונא האָט אויסגעפיהרט איהר אבזיכט און איז געפאהרען בעזוכען אננאַן. איהר האָט זעהר ניט געוואָלט זיך פערשאַפען עגמת־נפש דער שוועסטער און טאָהן עפּעס וואָס זאָל זיין איהר מאַן אונאַנגענעהם: זיא האָט פערשטאַנען, אז דיא לעווינס האָבען פאָלשטענדיג רעכט וואָס זיי ווילען ניט האָבען קיין מגע ומשא מיט ווראנסקין; אָבער זיא אליין פאַר זיך האָט גערעכענט פאַר א פּפליכט צו זיין ביי אננאַן און צו ווייזען איהר, אז איהרע געפיהלען קאָנען זיך ניט ענדערען, ניט קוקענדיג אויף דער ענדערונג פון איהר לאגע.

אום ניט צו זיין אָבהענגיג פון דיא לעווינס אין דער דאָזיגער רייזע, האָט דאריא אלעקסאַנדראָוונאַ געשיקט אין דאָרף באַשטעלען פערד. אָבער ווען לעווין האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אריין צו איהר מיט פאָרוואורף.

— פאַר וואָס רעכענסט דוא, אז מיר איז אונאַנגענעהם וואָס דוא פאָהרסט אַהין? און ווען אפילו מיר וואָלט דאָס געווען אונאַנגענעהם, דאַן איז דאָך מיר נאָך אונאַנגענעהמער וואָס דוא ווילסט ניט געברויכען מיינע פערד — האָט ער געזאָגט.— דוא האָסט מיר קיין מאָהל ניט געזאָגט, אז דוא האָסט פעסט בעשלאָסען צו פאָהרען, און דינגען פוהרען אין דאָרף איז ערשטענס אונאנגענעהם פאר מיר, און הויפּטזעכליך — זיי וועלען זיך אננעהמען, וועלען אָבער דיך ניט דערפיהרען. איך האָב פערד. אויב דוא ווילסט מיר ניט פעראורזאַכען קיין קריינקונג, נעהם און פאָהר אויף מיינע פערד.

דאריא אלעקסאַנדראָוונאַ האָט געמוזט איינשטימען, און אין דעם בעשטימטען טאָג האָט לעווין צוגעגרייט פאר איהר צוויי פּאָאר פערד. איצט ווען פערד זיינען נויטיג געווען אי פאר דער אָבפאָהרענדער פירסטין אי אָבצופיהרען דיא אקושערין, איז דאָס פאר לעווינען טאקע אויסגעקומען שווער, אָבער לויט דער פּפליכט פון גאַסט־פריינדשאַפט האָט ער ניט געקאָנט דערלאָזען, אז דאריא אלעקסאנדראָוונא זאָל וואָהנענדיג ביי איהם אין הויז געהן דינגען פערד פון דאָרף, ווען זיא דאַרף ערגעץ פאָהרען. א חוץ דעם האָט ער געוואוסט, אז דיא צוואנציג רובעל וואָס מען בעט ביי איהר פאר דער דאָזיגער נסיעה זיינען פאר איהר געווען זעהר וויכטיג, און לעווין האָט געפיהלט דיא פינאַנציעלע פערלעגענהייט, אין וועלכע דאריא אלעקסאנדראָוונא געפינט זיך, וויא זיינע אייגענע.

לויט לעווינ׳ס עצה איז דאריא אלעקסאנדראָוונא ארויסגעפאָהרען נאָך פארטאָג. דער וועג איז געוועזען גוט, דיא קאליאסקע א בעקוועמע, דיא פערד זיינען געלאָפען פרעהליך, און אויף דיא קאָזלעס איז אויסער דעם קוטשער געזעסען לעווינ׳ס קאנטארשטשיק אנשטאָט א לאקיי. דאריא אלעקסאנדראָוונא האָט איינגעדרעמעלט און האָט זיך אויפגעכאפט ערשט, ווען מען איז צוגעפאָהרען צו דער אכסניא, וואו מען האָט געדארפט איבערשפאנען דיא פערד.

נאָך דעם וויא זיא האָט זיך אָנגעטרונקען מיט טהעע ביי דעם זעלביגען בעל־הבית׳שען פויער, ביי וועלכען לעווין האָט זיך אָבגעשטעלט, ווען ער איז געפאָהרען בעזוכען סוויאזשסקין און נאָך דעם וויא זיא האָט זיך אָנגעשמועסט מיט דיא פרויען וועגען קינדער און מיט דעם אלטען פויער וועגען גראף ווראנסקי, וועלכען ער האָט זעהר געלויבט, איז דאריא אלעקסאנדראָוונא א זייגער צעהן אוועקגעפאָהרען ווייטער.

אין דער היים פלעגט זיא איבער דער שטענדיגער זאָרג וועגען דיא קינדער קיין מאָהל ניט צייט געהאט צו טראכטען. דערפאר האָבען שוין איצט פאר דער צייט פון דער פיער־שטונדיגער רייזע צונויפגעהויפט זיך אלע פערהאלטענע געדאנקען אין איהר קאָפּ, און זיא האָט איבערגעטראכט איהר גאנצען לעבען, וויא זיא האָט נאָך קיין מאָהל אזוי פיעל וועגען דעם ניט געטראכט און פון אלע זייטען. פאר איהר אליין זיינען דיא דאָזיגע געדאנקען פאָרגעקומען זאָנדערבאר.

צוערשט האָט זיא געטראכט וועגען דיא קינדער, אויף וועלכע דיא פירסטין און קיטי האָבען איהר פערשפּראָכען אכטונג צו געבען; זיא האָט זיך פון דעסטוועגען בעאונרוהיגט שטארק וועגען דעם. „מאשא זאָל חלילה ווידער ניט צושטיפּען זיך, א פערד זאָל חלילה ניט א בריק טאָהן גרישאן, און לילי זאָל זיך נור ניט פערדארבען נאָך מעהר דעם מאָגען“. נור דערנאָך האָבען זיך דיא פראגען פון דער געגענוואַרט פערביטען מיט פראגען פון דער נאָהענטער צוקונפט. זיא האָט געטראכט וועגען דעם וויא מען דארף צו ווינטער דינגען א נייע קוואַרטיר אין מאָסקווע, מען דארף אנדער מעבעל אין זאל און מען דארף מאכען דער עלטערער טאָכטער א נייע פוטערל. דערנאָך האָבען איהר זיך אָנגעהויבען פאָרשטעלען פראגען פון א ווייטערער צוקונפט: וויא זיא וועט מאכען דיא קינדער פאר מענשען. דיא מיידלאך מאכט נאָך ניט אזוי אויס — האָט זיא געטראכט — אָבער דיא אינגלאך?

„גוט, איך לעהרען איצט מיט גרישען, אָבער דאָס איז דאָך מעגליך בלויז דערפאר ווייל איך בין איצט אליין פריי און געבויר ניט קיין קינדער. אויף סטיוען פערלאָזען זיך איז ניטאָ וואָס, זעלבסטפערשטענדליך. עס וועט מיר אויסקומען צו מאכען זיי פאר מענשען דורך דער הילף פון אנדערע. אָבער אויב איך זאל ווייטער מעוברת ווערן“ ... און איהר איז ארויף דער געדאנק, וויא ניט ריכטיג עס איז דער שפּרוך, „אז אויף דער פרוי איז ארויפגעלייגט געוואָרען א קללה, זיא זאָל מיט שמערץ געבוירען קינדער“. „געבוירען איז גאָרנישט, אָבער טראָגען — אָט וואָס עס איז אָן אָבקומעניש“ האָט זיא געטראכט, און זיא האָט זיך ערמנערט איהר לעצטע שוואנגערשאפט און דער טויט פון איהר לעצטען קינד. זיא האָט זיך דערמאָהנט דעם געשפּרעך וואָס זיא האָט נור־וואָס געהאט מיט א יונג

ווייבעל אויף דער אכסניא. זיא האט א פרעג געטאהן דאס ווייבעל אויב זיא האט קינדער און יענע האט איהר דערויף געענטפערט מינטער:

— געוועזן איין מיידעלע, האט גאט פריי געמאכט פון איהר, פאר פסח זיא בעערדיגט.

— טהוט דיר זעהר לייד? — האט א פרעג געטאהן דאריא אלעקסאנדראוונא.

— וואס זאל מיר לייד טהאן? דער אלטער האט אזוי אויך צו פיעל אייניקלעך. מעהר ניט וויא דאגה פון זיי. ניט דוא קאנסט ארבייטען, ניט גאס. געבונדען און ווייטער נישט.

פאר דאריא אלעקסאנדראוונא איז דער דאזיגער ענטפער געוועזן עקעל־האפט, ניט קוקענדיג אויף דער גוטמוטהיגער ליעבליכקייט פון'ם יונג־ווייבעל. אבער איצט האט זיא עפעס ניט וועלענדיג דערמאנט זיך דיא דאזיגע ווערטער, און זיא האט איינגעפונען, אז אין דיא דאזיגע צינישע ווערטער איז פאראן א טהייל אמת.

„און אין אלגעמיין — האט זיך געטראכט דאריא אלעקסאנדראוונא, א קוק טהאן'ענדיג איצט אויף איהר לעבען פאר דיא לעצטע פופצעהן יאהר זינט איהר חתונה — שוואנגערשאפט, איבעלקייט, דער שכל ווערט טעמפ, גלייכגילטיג־קייט צו אלעס און הויפטזעכליך — מיאוס. אט איז קיטי, אזא יונגינקע, אזא שעהנינקע. און אפילו זיא איז מיאוס'ער געווארען. און איך, ווען איך בין שוואנ־גער, ווער איך גאר מיאוס, איך וויים דאס. דאס געבוירען, יסורים, פאסקודנע יסורים, דיא לעצטע מינוט... דערנאך נעהרען דאס קינד, דיא שלאפלאזע נעכט, דיא שרעקליכע שמערצען..."

דאריא אלעקסאנדראוונא האט א ציטער געטאהן פון דער עראינערונג בלויז וועגען דעם וועהטאג פון אנגעשפאלטענע ציצען, וועלכע זיא האט געפיהלט כמעט צו יעדען קינד. און ווידער איז אין איהר פארשטעלונג פארגעקומען דאס אויביגע ניכעווען פון א מוטער־הארץ, דיא עראינערונג וועגען דעם טויט פון איהר לעצטען זויג־קינד, וועלכער איז געשטארבען פון קרופ. „און צוליעב וואס איז דאס אלעס? וואס וועט פון דעם אלעם ארויסקומען? בלויז דאס, וואס איך האב ניט קיין רוהיגע מינוט, דאס טראגען, דאס זויגען, שטענדיג אויפגערעגט זיין, געמא־טערט זיך און געמאטערט אנדערע; דעם מאן ווערט מען אבשטויסענד, און אזוי וועל איך אויסלעבען מיינע יאהרען און עס וועלען אויסוואקסען בלויז אונגליקלי־כע, שלעכט ערצויגענע און ארעמע קינדער. און אפילו איצט, ווען איך וואלט מיט זיי ניט געוואהנט דעם זומער ביי דיא לעווינס, וויים איך ניט וויא מיר וואלטען דורכגעקומען. נאטירליך קאסטיא און קיטי זיינען אזוי דעליקאט, אז זיי לאזען דאס אונז ניט פיהלען, אבער אזוי קאן דאך דאס ווייטער ניט געהן. זיי וועלען אליין האבען קינדער, און דאן וועלען זיי ניט אים שטאנד זיין אונז בעהילפיג צו זיין. זיי פיהלען שוין איצט אויך דערפון אונבעקוועם. ווער־זשע וועט העלפען? דער פאפא, וועלכער האט שוין פאר זיך אליין כמעט גארנישט איבערגעלאזען קיין איינקונפט, וועט ער אונז דען קאנען ווייטער העלפען? לאמיר שוין רעכענן, אז עס וועט טרעפען דאס גליק, אז קיינער פון דיא קינדער וועט חלילה ניט שטאר־

בען, און איך וועל וויא ניט וויא זיי ערציהען. אין בעסטען פאל וועט דאך זיין בלויז דאס, וואס זיי וועלען ניט אויסוואקסען קיין טויגעניכטסען. דאס איז אלעס וואס איך קאן זיך בלויז ווינשען. און איבער דעם אלעם האב איך זיך דאס אבגעמאטערט, אנגעפלאגט א גאנצען לעבען !...״ און ווידער האט זיא זיך דערמאנט וואס דאס יונג־ווייבעל האט געזאגט און ווידער איז איהר געווען עקעלהאפט צו טראכטען וועגען דעם, אבער זיא האט ניט געקאנט ניט איינשטימען, אז אין דיא דאזיגע ווערטער איז געווען א טהייל גראבער אמת.

— נו, וואס, נאך ווייט מיכאילא ? — האט א פרעג געטאהן דאריא אלעקסאנדראוונא ביי'ם קאנטארשטשיק, אום צו צושטרייען זיך פון דיא שרעקליכע געדאנקען.

— פון ־עם דארף, זאגען זיי, נאך זיבען ווויארסט.

דיא קאליאסקע איז דורכגעפאהרען דיא גאס פון דארף און איז ארויפגעפאהרען אויף דעם בריקעל, וואס ביי'ם ברעג דארף. אויפ'ן בריק זיינען געגאנגען א גאנצע מאסע פרויען, פרעהליך און קלינגענד שמועסענדיג. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אויפ'ן בריק און האבען נייגעריג געקוקט אויף דער קאליאסקע. אלע פנים'ער פון דיא דאזיגע פויערשע פרויען האבען אויסגעזעהען אין דאריא אלעקסאנדראוונאס אויגען געזונד, פרעהלאך און וויא זיי וואלטען זיא רייצען מיט זייער לעבענס־מוטה.

„אלע לעבען, אלע האבען הנאה פון לעבען — האט געטראכט ווייטער דאריא אלעקסאנדראוונא, — און איך בין עפעס וויא פון א טורמע ארויסגעלאזען געווארען, פון א וועלט, וועלכע דערשלאגט מיך מיט דאגה, און בין עפעס איצט ערשט א מינוט געקוקומען צו זיך. אלע לעבען, דיא דאזיגע פרויען, שוועסטער נאטאלי, ווארענקא, אננא, צו וועלכער איך פאהר, נור איך לעב ניט.״

„און זיי פאלען נאך אן אויף אננאן. פארוואס ? בין איך דען בעסער ? מילא ביי מיר איז פאראן א מאן, וועלכען איך ליעב ; נאטירליך, ניט אזוי, וויא איך וואלט געוועלט ליעבען, אבער איך ליעב איהם, אבער אננא האט דאך איהר מאן גאר ניט געליעבט. און וואסזשע האט זיא זיך אזוי פיעל פערשולדיגט ? זיא וויל לעבען. גאט אליין האט אזוי בעשאפען אונזער נשמה. עס קאן זעהר זיין, אז איך אליין וואלט אויך אזוי געהאנדעלט. און איך וויים ווירקליך נאך איצט אויך ניט אויב איך האב גוט געטאהן וואס איך האב געפאלגט זיא דאן, אין יענער שרעקליכער צייט, ווען זיא איז צו אונז געקומען צו פאהרען קיין מאסקווע. איך האב דעמאלט געדארפט אוועקווארפען דעם מאן און אנהויבען א נייעם לעבען. איך וואלט געקאנט ליעבען און געליעבט ווערען וויא עס דארף צו זיין. איז דען איצט בעסער ? איך רעספעקטיר דאך איהם ניט. איך דארף איהם האבען, דולדע איך איהם. איז דאס דען בעסער ? דעמאלט האב איך נאך געקאנט געפעלען זיין, איך בין נאך געווען שעהן,״ האט פארטגעזעצט איהרע געדאנקען דאריא אלעקסאנדראוונא, און איהר האט זיך געוועלט און איהר האט זיך פערגלוסט איינצוקוקען זיך אין שפיגעל. זיא האט געהאט אין איהר האנדטאש א שפיגעלע, אבער זיא האט זיך געשעהמט ארויסצונעהמען איהם טאמער וועט דער קוטשער אדער

דער קאַנטאַרשטשיק אַ קעהר געטאָהן זיך אויף הינטען און וועלען דערזעהען. און זיא האָט דאָס שפּיגעלע ניט ארויסגענומען.

אָבער אפילו ניט איינקוקענדיג זיך אין קיין שפּיגעל, האָט זיא אַ טראַכט געטאָהן, אַז עס איז נאָך איצט אויך ניט שפּעט; און זיא האָט זיך דערמאָנט וויא סערגיי איוואַנאָוויטש איז געווען בעזאָנדערס פריינדליך צו איהר, און דעם גוטען טוראַווצין, סטיוואַס פריינד, וועלכער האָט איהר געהאָלפען ארומגעהן ארום דיא קראַנקע קינדער אין דער צייט ווען זיי זיינען געלעגען מיט סקאַרלאַטין, וויא ער איז געווען גאָר פערליעבט אין איהר. און נאָך איינער איז געווען, נאָך גאָר אַ יונגער מענש, וועלכער האָט, איינגעפונען וויא דער מאַן האָט איהר אַמאָל שפּאַס־האַפּט איבערגעגעבען, אַז זיא איז דיא שעהנסטע פון אַלע דריי שוועסטער.

און דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיט איהר פּאַסירען דיא ליידענשאַפטליכסטע און אונמעגליכסטע ראָמאַנען. „אננא האָט זעהר גוט געטאָהן, און ניט איך וועל איהר מאַכען קיין פאָרווירפע פאַר איהר האַנדלונג. זיא איז גליקליך, זיא מאַכט נאָך אַ מענשען גליקליך און זיא איז ניט אזוי דערשלאָגען אזוי וויא איך; זיא איז געוויס איצט נאָך אויך וויא זיא איז תמיד געווען, פריש, מונטער, קלוג און עמפּפינדליך פיר אַלעס,“ האָט זיך געטרכט דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא. אַ שעלמישער שמייכעל האָט זיך אַ ווייז געטאָהן ארום איהרע ליפּען. בעזונדער נאָך דערפון, וואָס טראַכטענדיג וועגען אננאס ראָמאַן האָט דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא פאָרגעשטעלט זיך אַליין אויך אין אזא ראָלע און וויא אַ פאַנטאַסטישער מאַנספּאַרשוין איז אין איהר פערליעבט. זיא האָט אויך מודה געווען זיך אין אַלעס דעם מאַן, וויא דאָס האָט אננא געטאָהן. און זיא האָט געשמייכעלט, פאָרשטעלענדיג זיך וויא סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש איז פערוואונדערט געוואָרען און צומישט געוואָרען ווען ער האָט דאָס פון איהר דערהערט.

אין אזעלכע טרוימעריי איז זיא צוגעפאָהרען צו דעם פּלאַץ, וואו עס פארקעהרט זיך דער גרויסער וועג, וואָס פיהרט קיין וואזדוויזשענסק.

.17

דער קוטשער האָט אָבגעשטעלט דעם פיער־געשפּאַן און האָט זיך אומגעקוקט צו דער רעכטער זייט, וואו אויפ׳ן פעלד זיינען געזעסען פּויערים לעבען אַ וואָגען. דער קאַנטאַרשטשיק האָט געוועלט אראָבשפּרינגען, האָט זיך דערנאָך בעסער מישב געווען און אָנגעהויבען שרייען און רופען דיא פּויערים צו זיך.

דער ווינטעל, וועלכער האָט געבלאָזען פריהער, איז אין גאַנצען איינגעשטילט געוואָרען; דיא גרויסע פליגען האָבען זיך איינגעזויגען אין דיא צושוויצטע פערד, וועלכע האָבען זיי געזוכט אָבצושלאָגען פון זיך. דיא קלאַנגען פון דיא קאָסעס, וואָס דיא פּויערים האָבען אויספּרובירט ביים וואָגען, איז אנשוויגען געוואָרען. איינער פון דיא פּויערים האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו דער קאַליאַסקע.

— זעהט, וויא ער שלעפט זיך! — האָט זיך אַ בייזער געטאָהן דער קאנטאָרשטשיק אויף דעם פויער, וואָס איז געטראָטען מיט באָרפוסע פיס אויף דער פערטריקענטער ערד — געה דאָך, אַז דוא געהסט!

דער פויער מיט דיא קרויזע האָאָר ארומגעבונדען מיט א ליטשקע, מיט א שוואַרצען געבויגענעם רוקען פון האָרעפּאַסנעם שווייס, האָט אָנגעהויבען געהן גיכער, איז צוגעגאַנגען צו דער קאַליאַסקע, האָט זיך אָנגענומען מיט זיין פאַרברענטער האַנד פאַר'ן פליגעל פון דער קאַליאַסקע, איבערפרעגענדיג:

— וואָזדוויזשענסקע, דער פריצישער הויף? צום גראַף? אַט נור הארעלע נאָך א פאָהר טהאָן, דאָרט א קירעווינקע צו לינקס, נאָך דעם גלייך מיט'ן פּריש־פּעקט, קריכט איהר אריין פונקט אַהין. איז צו וועמען דאַרפט איהר דאָרט? טאַקע צו איהם אליין?

— זיינען זיי צו הויז, ליעבינקער? — האָט אונבעשטימט א פרעג געטהאָן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, ניט וויסענדיג אפילו וויא ביי דעם פויער צו פרעגען וועגען אַננאַן.

— אפנים אין דער היים — האָט געזאָגט דער פויער, איבערטרעטענדיג מיט איין באַרפוסער פוס אויף דער אַנדערער און איבערלאָזענדיג אין שטויב א זיגעל פון פינף פינגער — אפנים אין דער היים — האָט ער איבערגעזאָגט נאָך אמאָל, קענטיג מיט דעם וואונש א שמועס צו טהאָן — נעכטען זיינען געקומען געסט צופאָהרען. וויפיעל געסט — אַן אימה... און אָט אַזוי! אַנוסטען זיינען זיי דורכגעפאָהרען אַלע רייטענדיג צו קוקען וויא מען שניידט. איצט אפנים מוזען זיי זיין אין דער היים. און איהר, ווער אַזעלכע וועט איהר זיין?..

— מיר קומען פון ווידט — האָט געזאָגט דער קוטשער, ארויפקריכענדיג צוריק אויף דיא קאָזלעס — הייכט דאָס דאָ נאָהענט?

— זאָג איך דאָך, אַז דאָ אַליין איז דאָס. וויא דוא פאָהרכט נור ארויס....

— האָט ער ווידער אָנגעהויבען ריידען, טאַפּענדיג מיט'ן האַנד דעם פליגעל פון קאַליאַסקע.

א יונגער, קרעפטיגער, גערזעצטער פויערשער בחור איז אויך צוגעגאַנגען.

— צו ניטאָ עפּעס ארבייט וועלכע ביים אראָבנעהמען פון פעלד? — האָט ער א פרעג געטהאָן.

— איך ווייס ניט, ליעבינקער.

— הייסט עס, וויא דוא וועסט זיך נור א נעהם טאָהן לינקס, אַזוי קריכסט דוא אריין אין סאַמע רעכטע אַהין — האָט געזאָגט דער פויער, ניט וועלענדיג אָבצולאָזען דיא פערבייפאָהרענדע מיט דער געלעגענהייט אַ שמועס צו טהאָן.

דער קוטשער האָט א טריב געטהאָן דיא פערד, אָבער וויא נור זיי האָבען זיך ערשט א קירעווע געטהאָן, וויא דער פויער האָט אָנגעהויבען שרייען: — האַלט! עי. וואַרט! וואַרט! — האָבען שוין געשריען צוויי שטימען. דער קוטשער האָט זיך אָבגעשטעלט.

— אַט פאָהרען זיין אליין! אַט זיינען זיי! — האָט געשריען דער פויער, אָנווייזענדיג אויף פיער רייטער און אויף צוויי אין א וועגעל פאָהרענדיג אויפ'ן וועג.

דאָס זיינען געווען וורָאָנסקי מיט׳ן זשאַקעי, וועסלאַוווסקי און אַננאַ רייטענדיג און פירסטין וואַרוואַראַ מיט סוויאַזשסקען אין וועגעל. זיי זיינען געפאָהרען דורכצושפּאַצירען זיך און דערווייל אויך אָנקוקען די נייע מאַשינען פיר תבואה שניידען, וועלכע מען האָט ערשט אַראָבּגעבראַכט.

ווען דאַללים עקיפּאַזש האָט זיך אָבגעשטעלט, האָבען די רייטער אָנגעהויבען אָבצוהאַלטען זייערע פערד צו געהן טריטווייז. פאָראויס זיינען געריטען אַננאַ אין איין רייהע מיט וועסלאַוווסקי. אַננאַ איז געפאָהרען מיט רוהיגע טריט אויף ניט קיין הויכען ענגלישען פערדעל מיט אַן אונטערגעשאָרענער גריווע און קורצען עק. דאַללי איז איבערראַשט געוואָרען פון איהר שעהנעם קאָפּ מיט די שוואַרצע האָאָר, וועלכע האָבען זיך ארויסגעשלאָגען פון אונטער דעם הויכען הוט, וויא זיא איז גראַציעז געזעסען רייטענדיג אין דעם שוואַרצען אַמאַזאָנען־קאָסטיום מיט איהרע ברייטע שולטערן און איידעלער טאַליע, אין גאַנצען אזוי רוהיג און ווירדיג.

אויף דער ערשטער מינוט האָט זיך דאַללי געדוכט, אז עס איז זעהר אונפּאַסיג, וואָס אַננאַ פאָהרט רייטענדיג. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז פאָהרען רייטענדיג איז עפּעס פערבונדען מיט יונגער, לייכטער קאָקעטריי און דאָס האָט ניט געפּאַסט פאַר אַננאַ׳ס צושטאַנד. אָבער ווען זיא האָט זיך צו איהר צוגעקוקט נעהנטער, איז זיא גלייך צופריעדען געוואָרען פון איהר רייטען. ניט קוקענדיג אויף דער עלעגאַנץ איז אין איהר פּאָזע געווען עפּעס רוהיגעס, אַנשטענדיגעס און אזוי איינפאַך די קליידונג און אזוי אויך איהרע בעוועגונגען, אז עס האָט, דוכט זיך, קיין זאַך ניט געקאָנט זיין נאַטירליכער.

אין איין רייהע מיט אַננאַן איז געפאָהרען וואַסענקאַ וועסלאַוווסקי אויף א גרויען קאַוואַלערישען פערד; ער האָט אויסגעשטעלט זיינע פיס פאַראויס, מיט קענטיגער הנאה פון זיך אַליין אין זיין שאָטלענדיש היטעלע מיט די לענטעס. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען פון שמייכלען, ווען זיא האָט איהם דערזעהן. אַהינטער זיי איז געפאָהרען וורָאָנסקי אויף א בלוטהייסען, דונקעל־ברוינעם פערד, וועלכער איז אַפּנים געווען צוהיצט פון גאַלאָפּירען. און אַהינטער איהם א קליין מענשעל אין דעם קאָסטיום פון א זשאַקעי. סוויאַזשסקי מיט דער פירסטין זיינען געפאָהרען אין א נייאינקען וועגעל, געשפּאַנט מיט א גרויסען, געזונדען, שוואַרצען שפּאַן־פערד, און זיי האָבען אָנגעיאָגט די רייטער.

אַננאַ׳ס פּנים האָט פּלוצלונג אויפגעשיינט מיט פרייד, ווען זיא האָט איז דער פיוור, וואָס איז געזעסען צוגעשפּאַרט אין ווינקעל פון קאַליאַסקע, דערקענט דאַללי. זיא האָט א געשריי געטהאָן, האָט א טרייסעל געטהאָן זיך אין זאָטעל און האָט א זעץ געטהאָן דעם פערד אין גאַלאָפּ. ווען זיא האָט צוגאַלאָפּירט צו דער קאַליאַסקע, איז זיא אַראָפּגעשפּרונגען אָהן וועמעס ניט איז הילף, אונטערהאַלטענדיג איהר אַמאַזאָנקע, און זיא איז צוגעלאָפען צו דאַללי.

— איך האָב אזוי טאַקע גערעכענט, אָבער איך האָב אַליין ניט געוואַגט צו גלויבען מיינע געדאַנקען. דאָס איז א שמחה! דו קאָנסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען וואָס פאַר א פרייד דאָס איז! — האָט זיא גערעדט און האָט זיך צוגע־

דריקט מיט'ן פנים צו דאללי און האט זיא געקושט, ווײלעוויז אבציהענדיג זיך און אנקוקענדיג זיא פון ווייטען — אט דאס הייכט פאר מיר א שמחה, אלעקסיי!

— האט זיא געזאגט אומקוקענדיג זיך צו ווראנסקין, וועלכער איז אראב פון פערד און איז צוגעגאנגען צו זיי. ער האט אראבגענומען דעם גרויען, הויכען הוט פון קאפ און איז צוגעגאנגען צו דאללי.

— איהר קאנט זיך ניט פארשטעלען, וויא אונז פרעהט אייער קומען — האט ער געזאגט, צוגעבענדיג א בעזונדער בעדייטונג צו יעדען ווארט זיינעם און צועפענענדיג זיינע פעסטע, ווייסע צייהנער.

וואסענקא וועסלאווסקי איז ניט אראבגעקראכען פון פערד, האט געצויגען זיין היטעלע און האט בעגריסט דעם גאסט.

— און דאס איז פירסטין ווארווארא — האט געענטפערט אננא אויף דאללים פראגליכען בליק, ווען דאס וועגעלע איז צוגעפאהרען.

— א — האט געזאגט דאריא אלעקכאנדראוונא, און איהר פנים האט ניט ווילענדיג אויסגעדריקט אונצופריעדענהייט.

פירסטין ווארווארא איז געוועזן איהר מאן'ס א טאנטע; זיא האט געקענט זיא שוין פון פריהער און האט קיין מאהל זיא ניט רעספעקטירט. זיא האט גע־וואוסט, אז פירסטין ווארווארא פערברייננגט איהר גאנצען לעבען, וואהנענדיג דאס ביי דעם דאס ביי יענעם פון דיא רייכע קרובים. אבער דאס וואס זיא וואהנט איצט ביי ווראנסקין, וועלכער איז איהר לחלוטין א פרעמדער מענש, דאס האט דאללין בעליידיגט, ווארום דאס איז דאך פון איהר מאן'ס משפחה. אננא האט בעמערקט דעם אויסדרוק פון דאללים פנים און איז געבליעבען אין פערלעגענ־הייט, איז רויט געווארען, האט ארויסגעלאזען פון האנד דיא אונטערגעהאלטענע אמאזאנקע און האט זיך א שטרויכעל געטהאן אן קלייד.

דאריא אלעקסאנדראוונא האט קאלט בעגריסט דיא פירסטין ווארווארא. סוויאזשסקי איז איהר אויך געוועזן שוין לאנג בעקאנט. ער האט א פרעג געטהאן, וואס מאכט זיין משונה'דיגער גוטער פריינד מיט זיין יונגינקער פרוי. און א ווארף טהאנדיג איין בליק אויף דער פערלאטעטער קאליאסקע מיט דיא פערד ניט קיין צוגעפאסטע צום פאאר, האט ער פארגעשלאגען דיא דאמען אריינצוזעצען זיך אין וועגעל.

— און איך וועל פאהרען אין דעם דאזיגען וועהיקעל — האט ער געזאגט — דער פערד איז א שטילער און דיא פירסטין לייטעט דעם פערד זעהר גוט.

— ניין, בלייבט, וויא איהר זייט געווין — האט געזאגט אננא — און מיר וועלען פאהרען אין קאליאכקע.

ביי דאריא אלעקסאנדראוונא זיינען זיך צולאפען דיא אויגען, זעהענדיג דיא רייכקייט און דעם גלאנץ און דיא עלעגאנטע, שיינענדע געזיכטער פון דיא ארומרינגלענדע. אבער מעהר פון אלעם איז זיא איבערראשט געווארען פון דער ענדערונג, וועלכע איז פארגעקומען אין איהר בעקאנטער און געליעבטער אננא. אן אנדער פרויענצימער, מיט וועניגער אויפמערקזאמקייט, וועלכע האט ניט גע־קאנט אננא פריהער, און הויפטזעכליך, וועלכע האט ניט דורכגעטראכט דיא אלע געדאנקען, וואס דאריא אלעקסאנדראוונא האט דורכגעטראכט אין וועג, וואלט פי־

ליבט קיין בעזונדערעס ניט מערקען אין אננא. אלעס אין איהר איז געווען אנציהענד: דיא בעשטימטקייט פון דיא חן־גריבעלעך אין דיא באקען, דיא ליפען, דער שמייכעל, וואס האט וויא געשוועבט ארום איהר פנים, דער גלאנץ אין דיא אויגען, דיא גראציעזע און שנעלע בעוועגונגען, דיא פולקייט פון דעם קלאנג פון איהר שטימע, אפילו איהרע מאניערען, ווען זיא איז בייזליך געווארען אויף ווערסלאווסקין, וועלכער האט איהר געפרעגט ערלויבנים, צו קאן ער זיך ניט זעצען רייטענדיג אויף איהר פערד און לערנען איהם גאלאפירען מיט דער רעכטער פוס — דאס אלעס איז געווען אזוי רייצענד, און עס האט אויסגעזעהן וויא אננא אליין וואלט דאס וויסען און הנאה האבען דערפון.

ווען ביידע פרויען האבען זיך געזעצט אין קאליאסקע, האבען ביידע עפעס דערפיהלט זיך אין א מין פערלעגענהייט. אננא איז געווען אין פערלעגענהייט פון דעם אויפמערקזאם־פראגליכען בליק, מיט וועלכען דאללי האט אויף איהר געקוקט; דאללי — דערפון, וואס זיא האט געפיהלט פערדרוס נאך דער בעמערקונג, וועלכע סוויאזשסקי האט געמאכט וועגען דער ניט שעהנער קאליאסקע, אין וועלכער זיא איז געפאהרען און אין וועלכער אננא האט זיך איצט ארייננגעזעצט מיט איהר. פיליפ דער קוטשער און דער קאנטארשטשיק האבען אויך געפיהלט דיא פערלעגענהייט. אום צו פערדעקען זייער פערלעגענהייט, האט זיך דער קאנטארשטשיק ארומגעדרעהט, האט ארייננגעזעצט דיא דאמען, און פיליפ איז געווארען אנגעבלאזען און האט בעשלאסען ביי זיך, אז ער האט ניט וואס ארויסצובאלען פאר דעם אויסערליכען גלאנץ פון דיא דאזיגע פריצישע קארעטען און פערד. ער האט איראניש א שמייכעל געטהאן, האט א קוק געטהאן אויף דעם שווארצען פערד אין דעם עלעגאנטען וועגעל און האט בעשלאסען ביי זיך, אז זיי האבען ניט וואס איבערצונעהמען זיך, זאל אקארשט דער פערד פרופען א געה טהאן בערציג ווארסט אהן אברוה, אזוי וויא לעווינס פערד, ער וואלט דאס ניט אויסגעהאלטען.

דיא פויערים האבען זיך אלע אויפגעהויבען און האבען נייגעריג געקוקט אויף דיא פריצים, מאכענדיג יעדערער זיין בעמערקונג.

— זיי פרעהען זיך מיט דער געקומענער פריצתה, מסתמא לאנג ניט געזעהן זיך — האט געזאגט דער אלטער פויער, מיט דער פארבונדענער ליטשקע.

— פעטער האראציאים, לאז מען אקארשט פרופען א שפאהן טהאן דעם דאזיגען שווארצען זשערעביעץ צו פיהרען דיא סנאפעס, וויא וואלט דאס איהם שמעקען, הא!

— זעהט, זעהט, אט דיא דאזיגע מיט דיא לענטעס — דאס איז דאך א ווייבעל? — האט געזאגט איינער פון דיא פויערים, אנווייזענדיג אויף דעם דאמעןזאטעל, אין וועלכען עס איז געזעסען וואסענקא ווערסלאווסקי.

— ניין, א מאנספארשוין. זעהט דאך וויא פלינק ער האט זיך אומגעדרעהט!

— נו, וואס, קינדער, שלאפען וועלען מיר שוין אפנים ניט?

— ווער וועט היינט שלאפען! — האט געזאגט דער אלטער און האט קרומליך א קוק געטהאן אויף דער זונן — שוין האלבען טאג אריבער. נו, גענאנגען.

## 18.

אננאַ האָט געקוקט אויף דעם מאָגערען, אויסגעמאַטערטען פּנים פון איהר שוועגערין און האָט געוועלט זאָגען דאָס, וואָס זיא האָט איצט געטראַכט, אָבער זיא האָט זיך דערמאָהנט, אַז זיא אַליין זעהט איצט אויס בעסער און אַז דאַללים בליק זאָגט דאָס איהר. האָט זיא זיך צוריקגעהאַלטען, האָט א זיפץ געטהאָן און האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען זיך.

— דוא קוקסט אויף מיר — האָט זיא געזאָגט — און טראַכסט, צו קאָן איך זיין גליקליך אין מיין לאַגע? נו, איז וואָס־זשע! עס איז ניט שעהן אַנצוערקענען, אָבער... איך בין אונפערצייהליך גליקליך. מיט מיר האָט פּאַסירט עפּעס צויבערהאַפטעס, וויא א חלום, ווען עס ווערט זיך עפּעס שרעקליך, שווידערליך און פּלוצלונג כאַפּסט דוא זיך אויף און פיהלסט, אַז דאָס אלעס שרעקליכע איז גאָר ניטאָ. איך האָב ערוואַכט. איך האָב איבערגעלעבט א געמאַטערטע, פּיינליכע צייט, און איצט, זינט מיר זיינען דאָ, בין איך אזוי גליקליך!... — האָט זיא געזאָגט, קוקענדיג אויף דאַללי מיט א שמייכלענדען און פרעגענדען בליק.

— וויא מיך פרעהט דאָס! — האָט מיט א שמייכעל אויך געזאָגט דאַללי, אָבער קאַלט, קעלטער איידער זיא האָט אַליין געוועלט — מיך פרעהט זעהר פאַר דיר. פאַר וואָס האָסט דוא מיר ניט געשריעבען?

— פאַר וואָס?... דערפאַר וואָס איך האָב ניט געוואַגט... דוא פאַרגעסט מיין לאַגע...

— מיר? ניט געוואַגט? אָ, ווען דוא וואָלכט וויסען, וויא איך... איך, איך רעכען...

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט איהר געוועלט אַרויסזאָגען איהרע געדאַנקען פון היינט אין דער פריה, נור איהר האָט זיך געדוכט עפּעס, אַז דאָס פּאַסט ניט.

— איבעריגענס וועגען דעם שפּעטער. וואָס זיינען דאָס פאַר א געביידעס?

— האָט זיא א פרעג געטהאָן, ווילענדיג ענדערען דעם געשפּרעך, און זיא האָט אָנגעוויזען אויף דיא רויטע און גרינע דעכער, וועלכע האָבען זיך געזעהען הינטער דיא בלומען־קוסטען, אזוי וויא א גאַנצעס שטעדטעל.

אָבער אַננאַ האָט ניט געענטפערט.

— ניין, ניין! וואָס־זשע איז דיין מיינונג וועגען מיין לאַגע, וואָס דיינקסט דוא וועגען דעם, וואָס? — האָט זיא געפרעגט.

— איך רעכען — האָט אָנגעהויבען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אָבער אין דער מינוט האָט וואַסענקאַ וועסלאָווסקי, רייטענדיג אויף דעם פערד, אויף וועלכען אַננאַ האָט פריהער געריטען, פערבייגאַלאָפּירט פערביי זיי. „עס געהט, אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ!“ האָט ער אויסגעשריען. אַננאַ האָט אויף איהם אפילו ניט א קוק גע־

טהאן; און דאללין האט זיך געדוכט, אז עס איז עפעס אונבעקוועם און אונפאסיג דא אין קאליאכקע אנצופאנגען דעם לאנגען געשפרעך; זיא האט איבערגעריבען אין מיטען דעם געדאנק.

— איך, איך רעכען גארנישט — האט זיא געזאגט — איך האב דיך אימע־געליעבט, און ווען דוא ליעבסט עמיצען, ליעבסט דוא דעם גאנצען מענשען אזוי וויא ער איז און ניט אזוי וויא איך וויל, אז ער זאל זיין.

אננא האט אבגעצויגען איהרע אויגען פון איהר פריינדינס פנים און האט יך פערטראכט, וועלענדיג גוט פארשטעהן דיא בעדייטונג פון דיא דאזיגע ווערטער. און אפנים וויא זיא האט זיי פארשטאנען אזוי וויא זיא האט עס געוועלט פארשטעהן און זיא האט ווידער א קוק געטהאן אויף דאללי.

— ווען דוא וואלסט האבען זינד — האט זיא געזאגט — וואלט מען דיר אלע זינד געדארפט מוחל זיין פאר דיין קומען און פאר דיא דאזיגע ווערטער.

און דאללי האט געזעהען וויא טרעהרען האבען זיך איהר געוויזען אין דיא אויגען. זיא האט שווייגענדיג געדריקט אננאס האנד.

— וואס־זשע זיינען דאס פאר געביידעס? אזוי פיעל! — האט דאריא אלעקסאנדראוונא ווידערהאלט איהר פראגע נאך א מינוט שווייגען.

— דאס זיינען דיא הייזער פון דיא דינערשאפט, א פאבריק, שטאהלען — האט געענטפערט אננא — און דא הויבט זיך אן דער פארק. דאס איז געווען אלעס פערלאזען, אלעקסיי האט אבער אלעס בענייט. ער ליעבט זעהר דעם מאיאנטעק און ער איז ליידענשאפטליך איבערגעגעבען געווארען דער ווירטהשאפט, ואס איך וואלט גארניט ערווארט פון איהם. איבעריגענס, דאס איז אזא רייכע נאטור! פאר וואס ער זאל זיך ניט נעהמען, טהוט ער דאס אויסגעצייכענט. איהם איז ניט נור ניט לאנגווייליג, נור בעשעפטיגט זיך מיט גרויס איבערגעבענהייט צו זיין זאך. ער איז זאגאר געווארען אויסגערעכענט, א פראכטפולער ווירטהשאפט־פיהרער, עקאנאמיזירט זאגאר. אבער בלויז אין דער ווירטהשאפט איז ער אויסגערעכענט. דארט, וואו עס האנדעלט זיך וועגען צעהנדליגע טויזענד, דארט רעכענט ער ניט — האט זיא געזאגט מיט יענעם פרעהליכען, שעלמישען שמייכעל, מיט וועלכען עס ריידען פרויען געוועהנליך וועגען דיא סודות פון דעם כאראקטער פון זייער געליעבטער פערזאן, וואס זיי אליין בלויז ווייסען — זעהסט דוא דעם גרויכען בנין? — דאס איז דער נייער האספיטאל. איך רעכען, אז דאס וועט אבקאסטען איבער הונדערט טויזענד. דאס איז איצט זיין ליעבלינגס־זאך. און ווייסט דוא פון וואנען דאס האט זיך גענומען? דיא פויערים האבען איהם געבעטען, ער זאל זיי אבלאזען דיא לאנקעס בילינגער, דוכט זיך, נו, און ער האט זיי אבגעזאגט דעריין, האב איך איהם געמאכט דעם פארוואורף, אז ער איז קארג. נאטירליך, ניט איבער דעם אליין, נאך אנדערע זאכען, נור פון אלעס צוזאמען האט ער אנגעהויבען בויען דעם האספיטאל כדי צו ווייזען, פארשטעהסט דוא, אז ער איז ניט קיין קארגער. דוא קאנכסט ער רעכענען פאר א קליינינגקייט, פיעלייכט, נור איך ליעב איהם דערפאר נאך מעהר. דוא וועסט גלייך זעהען דאס הויז. אינ'ם הויז האט נאך דער זיידע געוואהנט און דרויסען האט ער אין איהם גארנישט געענדערט.

# אננא קארעניגא

— וואס פאר א שעהנעס הויז! — האט געזאגט דאללי קוקענדיג מיט בעוואונדערונג אויף דעם פרעכטיגען הויז מיט זיילען, וועלכער האט זיך ארויסגעזעהען פון צווישען דיא גרינע קאלירען פון דיא אלטע בוימער פון גארטען.

— ניט אמת, שעהן? און פון אויבען פון הויז, איז דער אנבליק א וואונדערליכער.

זיי זיינען אריינגעפאהרען אין הויף, אויף וועלכען דיא וועגלעך זיינען געוועזען בעשאטען מיט קליינע שטיינדלעך און ארום בעפוצט מיט בלומען־בייטען, אויף וועלכע צוויי ארבייטער זיינען געוועזען איצט באשעפטיגט, און זיי האבען זיך אבגעשטעלט ביים גערעקטען צופאהר.

— און זיי זיינען שוין געקומען צופאהרען! — האט אננא געזאגט, קוקענדיג אויף דיא רייט־פערד, וועלכע מען האט נור־וואס אבגעפיהרט פון גאניק — איז דער פערד ניט א שעהנער? דאס איז אן ענגלישער קאב. דאס איז מיין ליעבלינג־פערד. פיהר איהם צו אהער און גיב איהם צוקער. און וואו איז דער גראף? — האט זיא א פרעג געטאהן ביי דיא צוויי פאראדנע לאקייען, וואס זיינען ארויסגעשפרונגען צו זיי — א, איך זעה, דארט איז ער! — האט זיא געזאגט דערזעהענדיג ווראנסקין און וועסלאווסקין, וועלכע זיינען געקומען זיי אנטגעגען.

— וואו ווילט איהר א פלאץ פאר דער פירסטין? — האט ווראנסקי געזאגט אויף פראנצויז, ווענדענדיג זיך צו אננא, און ניט דערווארטענדיג זיך קיין ענטפער האט ער נאך אמאל בעגריסט דאריא אלעקסאנדראוונא און האט איצט א קוש געטאהן איהר האנד — איך רעכען, אין דעם גרויסען באלקאן־צימער?

— א, ניין, דאס וועט דאך זיין צו ווייט! בעסער אין ווינקעל־צימער, וועלען מיר זיך אפטער זעהען. נו, לאמיר געהן — האט געזאגט אננא, געבענדיג איהר געליעבטען פערד דיא צוקער, וואס דער לאקיי האט ארויסגעטראגען.

זיא האט זיך איצט א ווענד געטאהן צו דאללי: — ביסט דוא אויף לאנג געקומען? וואס, אויף איין טאג? דאס איז אוממעגליך!

— איך האב אזוי פערשפראכען, און דיא קינדער... — האט געזאגט דאללי פיהלענדיג זיך אין א פערלעגענהייט אי דערפון וואס זיא האט געדארפט ארויסנעהמען איהר רייזע־טאש פון קאליאסקע, אי דערפון וואס זיא האט געוואוסט אז איהר פנים מוז זיין זעהר פערשטויבט.

— ניין, דאללי, מיין טהייערכטע... אבער דאס וועלען מיר שוין זעהען. קום, לאמיר געהן! — און אננא האט דאללין געפיהרט אין איהר צימער.

דער דאזיגער צימער איז ניט געוועזען אזוי פאראדנע וויא דער צימער, וועלכען ווראנסקי האט פארגעלייגט; עס איז געוועזען אזא צימער, אז אננא האט געזאגט דאס זיא האפט אז דאללי וועט דאס איהר פערצייהען, אבער דערפאר וועלען זיי זיין נעהענטער איינע צו דער צווייטער. און דער צימער, פאר וועלכען מען האט געבעטען ענטשולדיגונג, איז געוועזען איבערפילט מיט פראכט, אין דאללי האט נאך קיין מאל אין אזא צימער ניט געוואהנט און האט דערמאנט דאללין אויף דיא בעסטע צימערן אין דיא אויסלענדישע האטעלען.

— נו, טהייערינקע מיינע, וויא גליקליך איך בין! — האט געזאגט אננא צוזעצענדיג זיך אויף א מינוט אין איהר אמאזאנען־קאסטיום לעבען דאללין —

דערצעהל מיר איצט וועגען אונזערע אייגענע. כטיוואן האָב איך געזעהען בלויז אויף איין ווייַלע זייענדיג אין פּעטערסבורג. ער קאָן דאָך אָבער גאָר ניט דערצעהלען וועגען דיא קינדער. וואָס מאַכט מיין ליעבינקע טאַניאַ? שוין א גרויסע מיידעלע מוז זיא זיין?

— יא, זעהר אַ גרויסע — האָט קורץ געענטפערט דאריא אַלעקסאַנדראָוונא, אַליין וואונדערענדיג זיך וואָס זיא ענטפערט אַזוי קאַלט אויף דיא פראַגען וועגען איהרע קינדער — מיר וואָהנען זעהר גוט ביי דיא לעווינס — האָט זיא צוגעלייגט.

— ווען איך וואָלט וויסען, אַז דוא האַססט מיך ניט — האָט געזאָגט אַננאַ — דאַן... דאַן וואָלט איהר אַלע געקומען אַהער. סטיווא איז דאָך אַלעקסייס אַן אַלטער, גרויסער גוטער־פריינד — האָט זיא געענדיגט און איז פּלוצלונג רויט געוואָרען.

— יא, אָבער מיר פיהלען אַזוי גוט דאָרט, מיר... — האָט אין פערלעגענהייט געענטפערט דאָללי.

— יא, איבעריגענס, דאָס רייד איך נאַררישקייט פון שמחה. איין זאַך וויל איך דיר נור זאָגען; וויא גערן ב׳ין איך וואָס דוא ביסט צו אונז געקומען — האָט געזאָגט אַננאַ ווידער קושענדיג זיא — דוא האָכט נאָך ניט געזאָגט מיר, וויא און וואָס דוא דיינקסט וועגען מיר, און איך וויל דאָך אַלעס וויסען. אָבער מיך פרעהט, וואָס דוא וועסט מיך זעהען אַזוי וויא איך בין. מיר ווילט זיך ניט, הויפּטזעכליך, אַז עמיצער זאָל מיינען אַז איך וויל עפּעס דערמיט אויפווייזען. איך וויל קיין זאַך ניט אויפווייזען, איך וויל פּשוט לעבען: קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָהן, אויסער זיך אַליין. דערויף האָב איך דאָך רעכט, ניט וואַהר? איבעריגענס, דאָס איז אַ לאַנגער געשפּרעך, און מיר וועלען נאָך וועגען אַלעס גוט דורכריידען זיך. איצט געה איך אָנטאָהן זיך, איך וועל דיר אריינשיקען דיא דיענסט.

## 9.

ווען זיא איז פערבליבען אַליין האָט דאריא אַלעקסאַנדראָוונא בעקוקט דעם צימער מיט דיא אויגען פון אַ בעל־הבית׳טע. אַלעס וואָס זיא האָט געזעהען צופאָהרענדיג צום הויז און דורכגעהענדיג דורכ׳ן הויז און איצט אין צימער, האָט אויף איהר געמאַכט דעם איינדרוק פון איבערפלוס אין פראַנטאָווסטווא און פון יענעם אייראָפּעאישען וואוילטאָג, וועגען וועלכען זיא האָט געלעזען בלויז אין ענגלישע ראָמאַנען, נור האָט דאָס נאָך קיין מאָהל ניט געזעהען אין רוסלאַנד, ניט אין שטאָדט, ניט אין דאָרף. אַלעס איז נעווען ניי, אָנגעהויבען פון דיא פראַנצויזישע נייע טאַפּעטען ביז דעם טעפּיך, מיט וועלכען עס איז געווען בעצויגען דער גאַנצער צימער. דיא בעט איז געווען אויף פּרוזשינעס מיט אַ מאַטראַץ מיט אַ בעזונדער שעהנעם צוקאָפּענס און מיט זיינטיגע ציכעלעך אויף דיא קליינע

קיטעלעך. דער מאַרמאָרנער וואַש־טישעל, די טואַלעט־טישעל, די וואַפּקעלע, דער בראָנזענער זייגער אויפ׳ן קאַמין, די גאַרדינען, די פּאָרטיערען — אַלעס איז געווען טהייער און ניי.

די אויסגעפּוצטע דינסט, וועלכע איז אריינגעקומען פאָרצושלאָגען איהר הילף, מאָדיש פערקאַמט און אין אַ קלייד, אַ שעהנערע איידער די וואָס דאַלי האָט געטראָגען, איז אויך געווען אַזוי ניי און טהייער ווי אַלעס אַנדערע אין דעם צימער. דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא איז געפעלען געוואָרען איהר העפליכקייט, איהר ריינקייט און איהר פערטיגקייט צו בעדיענען זיא, אָבער זיא האָט זיך געפיהלט אונבעקוועם מיט איהר; איהר איז געווען עפּעס אינאַנגענעהם פאַר איהר, וואָס זיא דאַרף אַרויסנעהמען איהר פערלאַטעטען יאַקעל, וועלכען מען האָט על־פּי טעות איינגעפּאַקט. זיא האָט זיך דאָ געשעהמט מיט יענע לאַטעס, מיט וועלכע זיא האָט ביי זיך אין דערהיים שטאָלצירט. אין דערהיים איז דער חשבון געווען אַזוי קלאָהר, אַז אויף זעקס יאַקלעך דאַרף מען האָבען 24 אַרשין ציינג צו 65 קאָפּיקעס אַן אַרשין, וואָס עס מאַכט אויס צוזאַמען העכער אַלס 15 רובעל, אויסער דער אַרבייט און בעפּוצונג, און די 15 רובעל האָט מען נעדאַרפט קאָנען אָבשפּאָרען.

דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא האָט זיך דערפיהלט לייכטער, ווען אין צימער איז דערנאָך אַריינגעקומען אַנושקא, וועלכע איז איהר שוין געווען לאַנג בעקאַנט; די פראַנצויזישע היענסט האָט בעדאַרפט בעדיענען די פּריצתה, און אַנושקא איז געבליבען מיט דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא.

אַנושקא איז אָפּנים געווען בעזונדערס צופריעדען פון דער פּריצתה וואָס איז געקומען צופאָהרען און האָט געוואָלטען אין איין רעדען אָהן אַן אויפהער. דאַלי האָט באַמערקט, אַז דאָס מיידעל וויל אַרויסזאָגען איהר צווייפעלהאַפטע מיינונג וועגען דער ווירטהינס לאַגע, בעזאָנדערס האָט זיך אַנושקאַן שטאַרק געוואָלט ריידען וועגען דעם גראַף׳ס ליעבע און איבערגעבענהייט צו אננא אַרקאַדיעוונא, אָבער דאַלי האָט געזוכט זיא יעדעס מאָהל אָבשטעלען, ווייל זיא פלעגט נור אָנהויבען וועגען דעם.

— איך בין דאָך אויפגעוואַקסען לעבען אַננאַ אַרקאַדיעוונא, זיינען זיי דאָך מיר טהייערער פון אַלעס, נו, וואָס־זשע, ניט פאַר אונז איז צו אורטהיילען. אָבער דערפאַר אַזוי ליעבען, ווי ער....

— וועסט דו זיין אַזוי גוט און געבען דאָס גלייך אויסוואַשען, אויב מען קאָן — האָט איהרע רייד איבערגעשלאָגען דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא.

— יאַ, איך גיב דאָס גלייך אַוועק. ביי אונז זיינען דאָך אָנגעשטעלט בעזונדער צוויי פרויען, בלויז אויף אָבצורייבען די גרעט, און וואַשען וואַשט דאָך די מאַשין. דער גראַף אַליין זאָרגט זיך דאָך וועגען דאָס אַלעס. אַזאַ זעלטענער מאַן . . .

דאַלי איז גערן געווען איצט וואָס אַננאַ איז צו איהר אריין און מיט איהר אַריינקומען האָט זיך געענדיגט אַנושקאַס פּלאַפּלערייי.

אַננאַ איז שוין איצט געווען איבערגעטאָהן אין אַן איינפאַכער באַטיסטענער קלייד. דאַלי האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דער דאָזיגער איינפאַכקייט.

# אננא קארענינא

זיא האָט געוואוכט וואָס אזא איינפאכקייט בעדייטעט און וואָס עס קאָכט אָב צו מאכען אזא איינפאכע קליידעל.

— אן אלטע בעקאנטע — האָט א זאָג געטאָהן אננא אָנווייזענדיג אויף אנושקא.

אננא איז שוין איצט ניט געוועזן אין קיין פערלעגענהייט; זיא איז געוועזן פאָלשטענדיג רוהיג און פריי. דאללי האָט געזעהען, אז זיא איז שוין איצט געקומען פאָלשטענדיג צו זיך פון יענעם איינדרוק, וועלכען אויף איהר האָט געמאכט איהר קומען. זיא האָט שוין איצט גערעדט מיט יענעם אויבערפלעכליכען, גלייכגילטיגען טאָן, וועלכער האָט ווי א שלאָס פערשלאָסען דיא טהיר, וואו עס געפינען זיך געפיהלען און הארציגע געדאנקען.

— און וואָס מאכט דיין מיידעלע, אננא? — האָט דאללי געפרעגט.

— אני? (אזוי האָט אננא גערופען איהר טאָכטער) זיא איז געזונד. זיא האָט זיך זעהר פערבעסערט. ווילסט דוא זיא זעהען? קום, איך וועל זיא דיר ווייזען. שרעקליך פיעל אונאנגענעהמליכקייט האָב איך געהאט מיט יויגערינס — האָט זיא אָנגעהויבען דערצעהלען — ביי אונז איז געוועזן אן איטאליענישע אם. א גוטע, אָבער אזוי דום! מיר האָבען זיא געוועלט אוועקשיקען, אָבער דאָס קינד איז אזוי געוועהנט צו איהר, אז מיר האַלטען זיא נאָך אָן.

— אָבער וויא האָט איהר זיך איינגעאָרדענט? — האָט דאללי אָנגעהויבען פרעגען וועגען דעם, וואָס פאר א נאָמען דיא מיידעלע וועט טראָגען. אָבער מערקענדיג וויא אננאס פנים האָט זיך פערוואָלקענט, האָט זיא געענדערט דעם געדאנק פון איהר פראגע — וויא האָט איהר איינגעאָרדענט מיט דער אם? האָט איהר דאָס קינד ענטוועהנט?

אָבער אננא האָט פערשטאנען.

— דוא האָסט דאָך ניט דאָס געוועלט פרעגען? דוא האָסט געוויל̇ט פרעגען וועגען דעם נאָמען? אמת? דאָס פייניגט אלעקסייען. זיא האָט קיין נאָמען ניט. דאָס הייסט, זיא איז... קארענינא — האָט געזאָגט אננא, פערזשומערענדיג אזוי דיא אויגען, אז בלויז דיא ברעמען האָבען זיך געזעהען — איבעריגענס וועלען מיר וועגען דעם נאָך ריידען שפעטער. קום, דוא וועסט זיא זעהען. זיא קריכט שוין ארום.

אריינקומענדיג אין קינדער־צימער איז דאללי נאָך מעהר איבערראשט געוואָרען פון דער רייכקייט. דאָ זיינען געוועזן וועגעלעך, וועלכע זיינען אימפּאָרטירט געוואָרען פון ענגלאנד, אינסטרומענטען צולערנען זיך געהן; א דיוואן, וועלכער איז געוועזן איינגעריכטעט וויא א ביליארד, פאר׳ן קינד ארומצוקריכען, הוידעלקעס, א בעזונדער מין וואנעס. אלעס איז געוועזן ספּעציעל אויסגעשריבען פון ענגלאנד, פון גוטע קוואליטעט, פעסטע ארבייט און קענטיג זעהר טהייער. דער צימער איז געוועזן א גרויסער, א הויכער, א ליכטיגער.

ווען זיי זיינען אריינגעגאנגען איז דאָס קינד געזעסען אין איין העמדעלע אין א לעהן־שטוהל ביים טיש און האָט געגעסען בוליאָן, מיט וועלכע עס האָט פערגאָסען דיא ברוסטעל. געקאָרמעט האָט זיא און דערביי אליין אויך געגעסען א רוסישע מיידעל, וועלכע האָט געדיענט אין קינדער־צימער. ניט דיא אם און ניט

דיא ניאניא זיינען אין צימער ניט געווען: זיי זיינען ביידע געווען אין א נאעהנטע־צימער און עס האט זיך געהערט זייער געשפרעך אויף א זאנדערבאר־ען פראנצוי־זישען דיאלעקט, אויף וועלכען זיי אליין האבען בלויז געקענט צונויפריידען זיך.

דערהערענדיג אננא'ס שטימע, איז דיא הויכע, אויסגעפוצטע ענגלענדערקע מיט איהר אונאנגענעהמען פנים און מיט דיא בלאנדע גרייזעלעך אריינגעלאפען שנעל אין טיהר און האט אנגעהויבען גלייך צו פארענטפערען זיך, אבוואהל אננא האט זיא אין קיין זאך ניט בעשולדיגט. ביי יעדען ווארט וואס זיא האט ארויס־גערעדט האט זיא צוגעלייגט: „יעס, מאי לײדי“.

דיא שווארץ־האריגע, רויטינקע מיידעלע, מיט קרעפטיגע פיסעלעך און רויטינקען קערפעריל, איז דאריא אלעקסאנדראוונאן זעהר געפעלען געווארען; זיא האט זאגאר מקנא געווען איהר געזונדען אויסזעהען. איהר איז געפעלען גע־וואָרען וויא דאס קינד איז ארומגעקראכען. קיין איינער פון איהרע אייגענע קינ־דער איז אזוי ניט ארומגעקראכען, ווען עס האט געדארפט אנהויבען געהן. זיא האט זיך, וויא א חיה'לע אומגעקוקט אויף דיא גרויסע, מיט איהרע בליצענדע, שווארצע אויגען, הנאה האבענדיג אפנים דערפון וואס מען האט הנאה צו קוקען אויף איהר, און האלטענדיג דיא פיסלעך אויף איין זייט און איינשפארענדיג זיך ענערגיש מיט ביידע הענטלעך, האט זיא פלינק אונטערגעצויגען דעם הינטער־טהיילכעל, איבערוואַרפענדיג דיא הענטלעך פאראויס און פאראויס.

אבער דער אלגעמיינער גייסט פון קינדערצימער און בעזונדער נאך דיא ענגלענדערקע, איז זעהר ניט געפעלען געווען דאריא אלעקסאנדראוונען. אבער אין אזא ניט רעגעלמעסיגע פאמיליע וויא אננאס, וואלט קיין גוטע ניט געוועלט זיין אנגעשטעלט, אזוי האט זיך דאריא אלעקסאנדראוונא ערקלעהרט דיא אורזאכע וואס מען האלט אזא אונסימפאטהישע, אזא ניט רעספעקטאבלע ניאניא. אויסער דעם האט דאללי גלייך בעמערקט, אז צווישען דער מוטער, אם און ניאניא איז קיין הארמאניע ניטא, און אז אננא קומט זעלטען אריין אין קינדער צימער.

וואונדערליכער פון אלעס איז געווען דאס וואס אויף דער פראגע, וויפיעל צייהנדלעך דאס קינד האט, האט אננא א טעות געמאכט און האט גארנישט גע־וואוסט וועגען נייע צוויי צייהנדלעך, וואס האבען זיך ביים קינד אויסגעשניטען.

— מיר איז מאנכע מאהל שווער, וואס איך בין דא וויא אן איבעריגע — האט געזאגט אננא, ארויסגעהענדיג פון קינדער־צימער און אונטערהאלטענדיג דעם שלייף פון איהר קלייד, ניט צו פארצעפען דיא שפיעלצייג — מיט דעם ערשטען קינד איז אנדערש געווען.

— איך האב געמיינט, פארקעהרט — האט זאכט געזאגט דאריא אלעק־סאנדראוונא.

— א, ניין! דוא ווייסט דאך, איך האב געזעהען סעריאזשאן — האט גע־זאגט אננא פארזשמורענדיג דיא אויגען, וויא זיא וואלט זיך איינגעקוקט אין עפעס זעהר ווייט — איבריגענס, וועלען מיר נאך וועגען דעם ריידען שפעטער. דוא וועסט ניט גלויבען, איך בין וויא א הונגעריגע, וועלכער מען האט פלוצלונג אוועקגעשטעלט א פולען מאהלצייט און זיא וויים ניט פאר וואס פריהער צו כא־פען זיך. דער פולער מאהלצייט — דאס ביכט דוא און דאס געשפרעך וואס איך

# אננא קארעניגא

דאַרף האָבען מיט דיר, וויא איך קאָן דאָס ניט האָבען מיט קיין אַנדערען; און איך ווייס ניט פון וואָס פריהער אָנצוהייבען. איך דאַרף אַלעס אויספּריידען, אויסזאָגען. יאָ, איך דאַרף דיר פריהער בעצייכנען דיא געזעלשאַפט, וועלכע דיא וועסט ביי אונז בעגעגנען — האָט זיא אָנגעהויבען — איך הויב אָן פון דיא דאַמען. פּירכטין וואַרוואַרא, זיא קענסט דוא דאָך, און איך ווייס דיינע און סטיוואָס מיינונג וועגען איהר. סטיווא זאָגט, אַז דער גאַנצער צוועק פון איהר לעבען בעשטעהט דעריין, צו בעווייזען אַז זיא שטעהט העכער פון טאַנטע קאַטערינא פּאַוולאָוונא. דאָס אַלעס איז אמת; אָבער זיא איז אַ גוטע און איך בין איהר דאַנקבאַר. אין פּעטערסבורג איז געוועזען אַ מאָמענט, ווען איך האָב געמוזט האָבען עמיצענס חבר'שאַפט. דאָ האָט זיא זיך אונטער געדרעהט. אָבער, ווירקליך, זיא זיא איז אַ גוטע און זיא האָט זעהר פערלייכטערט מיין לאַגע. איך זעה, אַז דוא פערשטעהסט ניט דיא גאַנצע שווערינקייט פון מיין לאַגע... דאָרט, אין פּעטערסבורג — האָט זיא צוגעלייגט — דאָ בין איך זעהר רוהיג און גליקליך. נו, אָבער וועגען דעם שפּעטער. איך דאַרף דיר אַלזאָ אויסרעכענען: דאַן סוויאַזשסקי, ער איז דער פּאָרזיצענדער פון דעם אדעל־שטאַנד, ער איז זעהר אַן אַנשטענדיגער מאַן, אָבער ער איז דאָ, ווייל ער דאַרף וואָס פון אַלעקסייען. דיא פאַרשטעהסט דאָך, אַז איצט ווען מיר האָבען זיך בעזעצט צו לאַנד, קאָן אַלעקסיי מיט זיין פאַרמעגען האָבען גרויס איינפלוס. דאַן טושקעוויטש — דוא האָסט איהם געזעהען; ער איז געוועזען מיט בעטסי. איצט האָט מען איהם פערלאָזען און ער איז געקומען צו אונז. ער איז איינער פון יענע מענשען, זאָגט אַלקסיי, וועלכע זיינען גאַנץ אַנגענעהם, אויב מען זאָל זיי אַנגעהמען פאַר דאָס, מיט וואָס זיי ווילען זיך ארויסצייגען. דאַן וועסלאָווסקי.... דעם קענסט דוא דאָך. זעהר אַ ליעבליכער אינגעל — האָט זיא געזאָגט און האָט שעלמיש אַ שמייכעל געטאָהן — וואָס האָט דאָרט פּאַסירט עפּעס פאַר אַ ווילדע געשיכטע מיט לעווינען? וועסלאָווסקי האָט דערצעהלט אַלעקסייען, אָבער מיר גלויבען ניט. יאָ, דיא מענער דאַרפען האָבען מיט וואָס צו פאַראינטערעסירען זיך אַלס צייט־פערטרייב און אַלעקסיי דאַרף האָבען פּובליקום, דערפאַר איז מיר דיא דאָזיגע געזעלשאַפט טהייער. עס איז נויטיג, אַז ביי אונז זאָל זיין לעבעדיג, פרעהליך און אַלעקסיי זאָל ניט ווינשען עפּעס אַנדערעס, נייעס. דאַן וועסט דוא דאָ זעהען דעם פערוואַלטער. דאָס איז אַ דייטש, זעהר אַ וואַוילער און פאַרשטעהט זיין זאַך. אַלעקסיי שעצט איהם זעהר. דאַן דער דאָקטאָר, אַ יונגער מענש, ניט דוקא אַ ניהיליסט, נור אַזוי, ווייסט דאָך, עסט מיט'ן מעסער... אָבער זעהר אַ גוטער דאָקטאָר. דאַן דער ארכיטעקטאָר... אַ קליינער הויף.

## 20.

— נו, דאָ האָט איהר אייך דאללין, פירסטין, איהר האָט דאָך זיא אזוי געוועלט זעהען — האָט געזאָגט אַננאַ ארויסקומענדיג צוזאַמען מיט דאריא אַלעקסאַנדראָוונאַ אויף דער גרויסער, געמויערטער טעררַאסע, וואו עס איז געזעסען פירסטין ווארוואַרא און האָט אויסגענעהט אַ קישעלע פאַר גראַף אַלעקסיי קורילאָוויטש — זיא זאָגט, אַז זיא וויל קיין זאַך ניט ביז מיטאג, אָבער פון דעסטוועגען הייסט דערלאַנגען פריהשטיק, און איך וועל געהן אויפזוכען אַלעקסעיען און וועל זיי אַלעמען ברייננגען אַהער.

פירסטין ווארוואַרא האָט זעהר צערטליך און אפילו גנעדיג אויפגענומען דאללין און האָט איהר גלייך גענומען ערקלעהרען, אַז זיא וואָהנט איצט דאָ ביי אַננאַן דערפאַר, ווייל זיא האָט אימער געליעבט אַננאַן מעהר איידער איהר שוועסטער, קאַטערינא פּאַוולאָוונאַ ליעבט זיא, און אַז איצט, ווען אַלע האָבען זיך אָבגעקעהרט פון אַננאַ'ן, רעכענט זיא פאַר איהר פליכט צו העלפען איהר אין דער דאָזיגער שווערער איבערגאַנגס-צייט.

— דער מאַן וועט איהר געבען גט, און דאַן וועל איך זיך ווידער דערווייטערען אין מיין איינזאַמקייט, און דערווייל קאָן איך זיין ניצליך און ערפיללען מיין פפליכט, וויא שווער דאָס זאָל מיר ניט זיין. ווארום איך בין ניט אזוי וויא אַנדערע. וויא ליעבליך דאָס איז פון דיר! וויא גוט דאָס איז פון דיין זייט וואָס דוא ביסט געקומען צופאָהרען! זיי לעבען וויא דיא בעסטע פּאָאר פּאָלק; משפּט'ן וועט זיי גאָט, און ניט מיר. זיינען דען בירױזאָווסקי און אַוועניעווא... און אפילו אַליין ניקאַנדראָוו, אָדער וואסיליעוו מיט מאַמענטאַווא, און ליזא נעפּטונאַווא.... פון דעסטוועגען רעדט קיינער גאָרנישט. און עס האָט זיך געענדיגט דערמיט, אַז איצט ווערען זיי אויפגענומען אין דער געזעלשאַפט פון אַלעמען... ביי אונז עסט מען מיטאג אימער 7 אוהר. ביז מיטאג טהוט יעדערער וואָס ער וויל. סטיווא האָט זעהר גוט געטאָהן וואָס ער האָט דיך אַהער געשיקט. ער דאַרף זיין אַלע מאָהל נעהענטער צו זיי. דוא ווייסט דאָך, אַז ער קאָן דורך זיין מוטער און דורך זיין ברודער אַלעס דורכמאַכען. און זיי טהוען זעהר פיעל גוטע זאַכען, וואָהלטהעטיגקייט. ער האָט דיר ניט דערצעהלט וועגען זיין האָספּיטאל? א פּראַכטפאָלע געביידע און אַלעס אויסגעשריעבען פון פּאַריז.

זייער געשפּרעך איז איבערגעריסען געוואָרען פון אַננאַן, וועלכע האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט דער גאַנצער מענער-געזעלשאַפט. ביז מיטאג איז נאָך געבליעבען פיעל צייט, דער וועטער איז געווען שעהן און עס זיינען דארום פאָרגעשלאָגען געוואָרען אייניגע ערליי מיטלען וויא דיא צייט צו פערברייגען ביז מיטאג.

— א פּאַרטיע לאַון-טעניס — האָט פאָרגעשלאָגען וועסלאָווסקי — מיר ווידער מיט אייך, אַננאַ אַרקאַדיעוונא.

— ניין, צו הייס; לאָמיר בעסער דורכשפּאַצירען זיך אין גאָרטען און

# אננא קארענינא

אין א שיפעל דורכפאהרען זיך און בעווייזען דאריא אלעקסאנדראוונא דיא ברע־גען — האט פארגעשלאגען וורוֹנסקי.

— איך שטים איין מיט אלעם — האט געזאגט סוויאזשסקי.

— איך גלויב, אז פאר דאללי וועט זיין אנגענעהמער פון אלעם דורכצו־געהן זיך, ניט וואהר? און דערנאך שוין א שיפעל — האט געזאגט אננא.

פאאר־וויז זיינען זיי אוועק שפאצירען איבער'ן שטעגעל: אננא מיט סוויאזשסקי און דאללי מיט וורונסקין. דאללי איז געווען איינגערמאכען אין פערלעגענהייט. טהעארעטיש, אבסטראקט, האט זיא ניט נור גערעכטפערטיגט ניר זאגאר געהאלטען פאר גוט אננאס האנדלינג. וויא אין אלגעמיין עס פאסירט אפט, אז ריינע, זיטליכע פרויען, וועלכע זיינען מיעד געווארען פון דער איינטע־ניגקייט פון זיטליכען לעבען, האט זיא שטעהענדיג פון ווייטען ניט נור ענטשול־דיגט דעם זינדיגען לעבען, נור האט זאגאר מקנא געווען אזא לעבען. אויסער דעם האט זיא אין הארצען געליעבט אננאן. אבער אין דער ווירקליכקייט, דערזעהענ־דיג זיא צווישען מענשען, וואס זיינען איהר פרעמד, איז איהר געווארען אונבע־קוועם. בעזאנדערנס איז איהר געווען ניט אנגענעהם פירסטין ווארווארא, וועלכע האט זיי אלעס פערצייהעט בלויז צוליעב יענע בעקוועמליכקייט, מיט וועלכע זיא האט זיך בענוצט.

אין אלגעמיין איז איהר ניט אנגענעהם געווען צו זעהען דעם מענשען, צו־ליעב וועלכען אננא האט אזוי געהאנדעלט. א חוץ דעם איז וורונסקי איהר קיין מאהל ניט געפעלען געווען. זיא האט איהם געהאלטען פאר צו שטאלץ און האט אין איהם ניט געזעהען עפעס אזעלכעס, וואס זאל איהם געבען דאס רעכט אזוי צו שטאלצירען כיידען מיט זיין פערמעגען. זיא האט געפיהלט עפעס אזעלכעס, גע־הענדיג מיט איהם, וויא דאס וואס זיא האט געפיהלט לעבען דער עלעגאנטע דינסט־מיידעל איבער איהר פערלאטעטען יאקעל. זיא האט זיך געפיהלט אין פערלעגענ־הייט און האט געזוכט וועגען וואס צו ריידען; ניט געפינענדיג קיין אנדער זאך האט זיא אנגעהויבען צו לויבען זיין הויז.

— יא, דאס איז זעהר א שעהנער בנין און אין גוטען, אלטען סטיל — האט ער געזאגט.

— מיר געפעלט זעהר דער הויף פאר'ן צופאהר צום הויז. איז דאס אזוי געווען פון פריהער?

— א, ניין! — האט ער געזאגט און זיין פנים האט געלויכטען פון הנאה.

— איהר האט גענדארפט זעהען וויא דאס הויז האט אויסגעזעהען לעצטען פריה־לינג!

ער האט אנגעהויבען, פריהער פארזיכטיג דערנאך אלץ מעהר, אנצוצייגען איהר אויף פערשיעדענע איינצעלהייטען וויא עס איז אויסגעפוצט געווארען דאס הויז. קענטיג געווען אז וורונסקי האט געפיהלט וויא א ריהם צו טאהן זיך פאר דעם נייעם גאסט און איהם האט געפרעהט וואס דאריא אלעקסאנדראוונא לויבט איהם.

— אויב איהר זייט ניט מיעד און האט לוסט צו בעקוקען דעם האספיטאל,

אָס איז דאָ ניט ווייט. קומט — האָט ער געזאָגט, אריינקוקענדיג איהר אין פּנים, צו איבערצייגען זיך אַז איהר איז ניט לאַנגווייליג.

— וועסט דוא געהן, אננא? — האָט ער זיך געווענדעט צו איהר.

— מיר וועלען געהן. ניט אמת? — האָט זיא זיך אַ ווענד געטאָהן צו סוויאזשסקין. מען דאַרף שיקען זאָגען טושקעוויטשען און וועסלאָווסקין.

— אַ, דאָס איז אַ קאַפּיטאַלע אונטערנעהמונג! — האָט געזאָגט סוויאזשסקי. איך וואונדער זיך אָבער, גראַף, וויא איהר, וועלכער אינטערעסירט זיך אַזוי מיט היגיענע פאַר דאָס פאָלק, זאָלט אזוי גלייכגילטיג זיין צו שוהלען.

דיא דאַמען האָבען צועפּענט זייערע זונען־שירעמעס און זיינען ארויס אויף דעם זייט־וועג. דורכגעהענדיג איינִיגע פערקעהרונגען און ארויסגעהענדיג פון גאַרטען־טיהרעל, האָט דאריא אַלעקסאַנדראָווגא דערזעהען פאַר זיך אויף אַ הויכען פּלאַץ אַ גרויסען, רויטען בנין, וועלכער איז שוין געווען כמעט געענדיגט. דער דאַך, וועלכער איז נאָך ניט געווען געפּאַרבט, האָט בלענדענד געגלאַנצט אונטער דעם שיין פון דער שטראַהלענדער זונן. לעבען דעם דאָזיגען בנין האָט מען געהאַלטען אין אויסלייגען נאָך אַ געביידע, ארומגערינגעלט מיט וואַלד און ארבייטער אין פאַרטוכער אויף ריסטעוואַניעס, האָבען אויסגעלייגט ציגעל, פערגאָסען מיט וואַפּנע און אויסגעגלייכט.

— וויא שנעל ביי אייך געהט צו דיא אַרבייט! — האָט געזאָגט סוויאזשסקי — ויעז איך בין דאָ געוועזן לעצטען מאָהל איז נאָך דער דאַך ניט געוועזן.

— צו הערבסט וועט דאָס פאַרטיג זיין. אינווייניג איז שוין כמעט אַלעס פאַרטיג — האָט געזאָגט אַננאַ.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ נייע געביידע?

— דאָס איז אַ וואָהנונג פאַר'ן דאָקטאָר און פאַ־ אַן אפּטייק — האָט געענטפערט וורָאנסקי, דערזעהענדיג דעם אַרכיטעקטאָר, וועלכער איז צו איהם איצט צוגעגאַנגען אין זיין קורצען מאַנטעל.

ארומגעהענדיג דעם פּלאַץ, פון וועלכען דיא אַרבייטער האָבען געשעפּט דיא וואַפּנע, האָט זיך ווראָנסקי אָבגעשטעלט מיט'ן ארכיטעקטאָר און האָט עפּעס היציג אָנגעהויבען ריידען.

— דער פאָדערטהייל קומט אַלץ עפּעס אויס נידריגער — האָט ער געענטפערט אַננאַן, וועלכע האָט אַ פרעג געטאָהן אום וואָס עס האַנדעלט זיך.

— איך האָב געזאָגט אַז מען האָט געדאַרפט אונטערהויבען דעם פונדאַמענט — האָט אַננאַ געזאָגט.

— יאַ, געוויס, אַזוי וואָלט טאַקע געווען בעסער, אַננאַ אַרקאַדיעוונא — האָט געזאָגט דער אַרכיטעקטאָר — אָבער דאָס איז פערנאַכלעסיגט געוואָרען.

— יאַ, איך אינטערעסיר זיך זעהר דערמיט — האָט אַננאַ געענטפערט אויף סוויאזשסקיס פערוואונדערונג וואָס זיא פאַרשטעהט אזוי ארכיטעקטור — עס איז נויטיג, אַז דיא נייע געביידע זאָל האַרמאָנירען מיט דעם האָספּיטאַל. אָבער מען האָט אַ טראַכט געטאָהן וועגען אַ נייער געביידע ערשט דערנאָך, ווען דיא ערשטע איז שוין געווען באַלד פאַרטיג און מען האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אָהן אַ פּלאַן.

ווען ער האָט געענדיגט זיין געשפּרעך מיט דעם אַרכיטעקטאָר איז ווראָנסקי צוגעקומען צו דיא דאַמען און האָט זיי אריינגעפיהרט אינוויינינג אין האָספּיטאָל.

— דאָס איז דער אויפנאַהמס־צימער — האָט אָנגעוויזען ווראָנסקי — דאָ וועט שטעהן דער פּיופּיטער, אַ טיש, אַ שראַנק און ווייטער נישט.

— אַהער, לאָמיר געהען אַהער. געה ניט צו צום פענסטער — האָט געזאָגט אַננאַ, פּרובירענדיג צו האָט זיך שוין דיא פאַרב אָבגעטריקענט — אַלעקסיי, דיא פאַרב איז שוין אָבגעטריקענט — האָט זיא צוגעלייגט.

פון אויפנאַהמס־צימער זיינען זיי אַריין אין קאָרידאָר. דאָ האָט זיי ווראָנסקי געוויזען דיא נייע ווענטילאַציאָן, וועלכע איז איינגעריכטעט געוואָרען לויט דער לעצטער סיכטעמע; דערנאָך האָט ער געוויזען דיא מאַרמאָרנע וואַנעס, דיא בעטען אויף פּרוזשינעס. ער האָט דערנאָך זיי געפיהרט וויזען איינע נאָך דיא אַנדערע דיא פּאַלאַטעס, דעם וועש־צימער, דיא אַלמערס. דערנאָך וועגעלעך פערשיעדענע אויף צו פיהרען זאַכען, אַז עס זאָל ניט מאַכען קיין געדודער. סוויאזשסקי האָט אַלעס אָבגעשעצט וויא אַ מענש וועלכער וויים וועגען נייע איינריכטונגען. דאָללי האָט איינפאַך אַלעס אויסגעפרעגט, פון וואָס ווראָנסקי האָט הנאה געהאַט.

— יאַ, איך דיינק, אַז דאָס וועט זיין דער איינציגער האָספּיטאָל אין רוסלאַנד וועלכער איז איינגעריכטעט וויא עס דאַרף צו זיין — האָט געזאָגט סוויאזשסקי.

— און קיין קינפּעט־אָבטהיילונג וועט ביי אייך ניט זיין? — האָט אַ פרעג געטאָהן דאָללי — דאָס איז דאָך אַזוי נויטיג צו לאַנד. איך האָב אָפט....

ניט קוקענדיג אויף זיין העפליכקייט, האָט זיא ווראָנסקי איבערגעשלאָגען אין מיטען.

— דאָס איז ניט קיין האָספּיטאָל פאַר קינפּעטאָרינס, נור אַזוי אַ האָספּיטאָל, וועלכער איז בעשטימט פאַר אַלערליי קראַנקהייטען אויסער אנשטעקענדע— האָט ער געזאָגט — און אָט גיט אַ קוק דערויף — און ער האָט צוגעקייקעלט צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַ לעהן־שטוהל פאַר אַזעלכע קראַנקע, וואָס בעסערען זיך שוין — איהר זעהט? — ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין שטוהל און האָט זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען — ער קאָן ניט געהן, איז נאָך שוואַך אָדער האָט קראַנקע פיס און פרישע לופט איז איהם נויטיג, פאָהרט ער, ראָלט זיך אַליין....

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלעס, אַלעס איז איהר געפעלען געוואָרען, אָבער מעהר פון אַלעס איז איהר געפעלען ווראָנסקי אַליין, וויא נאַאיוו ער איז איבערגעגעבען צו אַזאַ זאַך. „יאַ, ער איז זעהר אַ ליעבער, גוטער מענש“ האָט זיא געטראַכט וויילעוויין. ער איז איהר איצט אַזוי געפעלען געוואָרען מיט זיין לעבעדיגקייט, אַז זיא האָט פערשטאַנען וויא אַננאַ האָט זיך געקאָנט פערליבען אין איהם.

# אננא קארענינא

## 21.

— ניין, איך רעכען אַז דיא פירסטין איז מיעד און דיא פערד אינטערעסירען איהר ניט — האָט וורָאָנסקי געזאָגט אַננאַן, וועלכע האָט פאָרגעשלאָגען צו געהן בעזוכען דעם פערד־זאַוואָד, וואו סוויאזשסקי האָט געוועלט זעהען דעם נייעם זשערעבעץ — איהר קאָנט געהן און איך וועל בעגלייטען דיא פירסטין אהיים און מיר וועלען דערווייל אַביסעל שמועסען—האָט ער געזאָגט און האָט זיך א ווענד געטאָהן צו דאללי — אויב אייך איז אַנגענעהם?

— איך פאַרשטעה אין פערד גאָרנישט און וועל זעהר גערן זיין — האָט געזאָגט דאריא אַלעקסאַנדראָוונא אַ פערוואונדערטע.

זיא האָט פערשטאַנען פון וורָאָנסקים פנים, אַז ער פערלאַנגט עפּעס צו איהר. זיא האָט דעריין קיין טעות ניט געמאַכט. וויא נור זיי זיינען ווידער אריין אין גאָרטען און האָט זיך ארומגעקוקט, אַז אַננאַ קאָן זיי ניט זעהען און הערען, האָט ער אָנגעהויבען:

— איהר האָט וואַהרשיינליך געטראָפען, אַז איך וויל וואָס ריידען מיט אייך. איך מאַך קיין טעות ניט, אַז איהר זייט אַננאַ'ס א פריינד -- האָט ער געזאָגט ארויסנעהמענדיג זיין טאַשענטוך און ווישענדיג זיין פליכעוואַטען קאָפּ.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט געקוקט אויף איהם מיט צושראָקענע אויגען. בלייבענדיג מיט איהם אליין, איז איהר געוואָרען אימה'דיג פון זיין שטרייננגען פנים און לאַכענדע אויגען.

— איהר האָט אַזאַ איינפלוס אויף אַננאַ'ן, זיא האָט אייך אַזוי ליעב — האָט ער אָנגעהויבען ווייטער — העלפט מיר.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיט פראַגענדע בליקען געקוקט אויף זיין ענערגישען פנים און האָט געוואַרט וואָס ער וועט זאָגען ווייטער; ער האָט אָבער מיט זיין שטעקעל געצעפּעט דיא שטיינדלעך און איז שווייגענדיג געגאַנגען לעבען איהר. און אין א ווייַלע ארום ווידער:

— איהר זייט געקומען צו בעזוכען אונז און זייט דיא ערשטע פרוי פון אַלע פריהערדיגע פריינד איהרע — פירסטין וואַרוואַראַ רעכען איך ניט — איך פאַרשטעה דאַרום, אַז איהר האָט דאָס געטהאָן ניט דערפאַר ווייל איהר זאָלט רעכענען אונזער לאַגע פאַר נאָרמאַל, נור דערפאַר, ווייל פאַרשטעהענדיג דיא שווערקייט פון אַזאַ לאַגע, ליעבט איהר פון דעסטוועגען אַננאַ'ן און ווילט איהר העלפען. האָב איך אייך ריכטיג פערשטאַנען? — האָט ער געפרעגט, אָנקוקענדיג זיא.

— אָ, יא — האָט געענטפערט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, פערמאַכענדיג איהר זונען־שירעם — אָבער...

— ניין — האָט ער זיא ניט ווילענדיג איבערגעשלאָגען — קיינער קאָן

שטאַרקער פון מיר ניט פיהלען דיא שווערקייט פון איהר לאַגע. און דאָס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אויב איהר רעכענט מיך פאַר אַ מענשען, וואָס האָט אַ האַרץ. איך בין דיא אורזאַכע פון איהר לאַגע און דאַרום פיהל איך זיא.

— איך פאַרשטעה — האָט געזאָגט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ און זיא האָט הנאה געהאַט פון דער פעסטקייט און אויפריכטיגקייט, מיט וועלכער ער האָט גערעדט — אָבער גראַד דערפאַר, ווייל איהר רעכענט זיך פאַר דער אורזאַכע פון דער לאַגע, איבערטרייבט איהר זיא, האָב איך מורא — האָט זיא געזאָגט — געוויס, איך פאַרשטעה, איהר לאַגע אין געזעלשאַפט איז אַ שווערע.

— אין געזעלשאַפט איז דאָס אַ גהינום! — האָט ער שנעל אַ זאָג געטהאָן מיט אַ פערוואָלקענטען פנים — איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלען קיין ערגערע מאָראַלישע יסורים אַלס דיא, וועלכע זיא האָט איבערגעלעבט אין פעטערסבורג אין צייט פון צוויי וואָכען... און איך בעט אַ ייך, איהר זאָלט מיר דעריין גלויבען.

— יאַ, אָבער דאָ, אַזוי לאַנג וויא ניט אַננאַ... און ניט איהר פיהלט קיין נויטוועגדיגקייט אין דער געזעלשאַפט...

— געזעלשאַפט! — האָט מיט פעראַכטונג אַ זאָג געטהאָן ווראָנסקי — וואָס פאַר אַ נויטיגקייט קאָן איך האָבען אין יענער געזעלשאַפט?

— אַזוי לאַנג וויא דאָס ניט, זייט איהר גליקליך און רוהיג. און דאָס קאָן דאָך אַזוי זיין אימער. איך זעה אויף אַננאַ'ן, אַז זיא איז גליקליך, פאָלשטענדיג גליקליך; זיא האָט שוין בעוויזען מיר דאָס צו זאָגען — האָט געזאָגט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט אַ שמייכעל. און ארויכריידענדיג דאָס, האָט זיא איצט אַליין אַ צווייפעל געטהאָן, אויב עס איז טאַקע אמת, אַז אַננאַ איז גליקליך.

אָבער ווראָנסקי האָט דעריין אפנים ניט געצווייפעלט.

— יאַ, יאַ — האָט ער געזאָגט — איך ווייס, אַז זיא האָט אויפגעלעבט נאָך אַלע איהרע יסורים; זיא איז גליקליך, גליקליך געגענווערטיג. אָבער איך?.... איך האָב מורא פאַר דאָס וואָס אונז ערוואַרט... ענטשולדיגט, איהר ווילט געהן אָדער....

— ניין, מיר איז אַלץ איינס.

— דאַן לאָמיר זיך דאָ צוזעצען אַ ווײַלע.

— איך זעה, אַז זיא איז גליקליך — האָט ער ווידערהאָלט — אָבער קאָן דאָס דען אַזוי לאַנג דויערן? צו מיר האָבען געהאַנדעלט גוט, צו שלעכט, דאָס איז זיך אַ בעזונדער פראַגע; אָבער דער גורל איז געוואָרפען געוואָרען — האָט ער אָנגעהויבען שוין איצט אויף פראַנצויז — און מיר זיינען פערבונדען אויף דעם גאַנצען לעבען. מיר זיינען פערבונדען מיט דיא הייליגסטע קייטען פון ליעבע. מיר האָבען אַ קינד, ביי אונז קאָנען געבאָרען ווערען נאָך קינדער. אָבער דאָס געזעץ און אַלע אומשטענדען פון אונזער לעבען זיינען דאָך אַזעלכע, אַז עס קומט ארויס אַ גאַנצער פלאָנטער, וועלכען זיא קאָן איצט ניט זעהען און וויל ניט זעהען. אָבער איך זעה. מיין טאָכטער איז לויט געזעץ — ניט מיין טאָכטער, נור קאַרענינס. איך וויל ניט ליידען אַזאַ פאַלשקייט! — האָט ער אַ זאָג געטהאָן און ענערגיש אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, קוקענדיג מיט אַ טרויעריג־פראַגענדען בליק אויף דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

זיא האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט בלויז געקוקט אויף איהם. ער האָט פאַרטגעזעטצט.

— מאָרגען וועט געבאָרען ווערען א זוהן, מיין זוהן, און לויט געזעץ וועט דאָס זיין קארענינס זוהן; ער איז ניט דער יורש פון מיין נאָמען, פון מיין פערמעגען. און וויא גליקליך אונזער פאמיליע זאָל ניט זיין און וויפיעל קינדער מיר זאָלען ניט האָבען, איז צווישען מיר און צווישען זיי קיין פערבינדונג ניטאָ. זיי זיינען קארענינס. פארשטעהט איהר דיא שרעקליכקייט פון אזא לאגע! איך האָב געפּרופט ריידען מיט אננא׳ן וועגען דעם. זיא ווערט בלויז דערפון אויפגערעגט. זיא פארשטעהט ניט און איך קאָן איהר אזוי ווייט ניט ארויסזאָגען אלעס. היינט גיט א קוק פון דער אנדער זייט. איך בין גליקליך, איך בין גליקליך פון איהר ליעבע, איך דארף דאָך אָבער האָבען באשעפטיגונג. איך האָב געפונען אזא באשעפטיגונג, אויף וועלכער איך בין שטאָלץ און האלט, אז דאָס איז א פערנינפטיגערע באשעפטיגונג אלס דיא ארבייט פון מיינע געוועזענע חברים אויף עמטער און אין קייזערליכען הויף. איך ארבייט, זיצענדיג דאָ אויפ׳ן אָרט און איך בין גליקליך, צופריעדען, און מיר דארפען מעהר גאָרנישט פאר אונזער גליק. איך ליעב דיא דאָזיגע ארבייט....

דאריא אלעקסאנדראָוונא האָט באמערקט, אז אין דעם פּלאַץ פון זיינע ערקלעהרונגען האָט ער זיך געפּלאָנטערט, און זיא האָט ניט פערשטאנען, פאר וואָס ער האָט אזוי א קעהר געטהאָן זיין ערקלעהרונג, אָבער זיא האָט געפיהלט, אז איין מאָל האָט ער אָנגעהויבען ארויסזאָגען וואָס ביי איהם איז אויפ׳ן הארצען, דאָס וואָס ער האָט פאר אננא׳ן ניט געקאָנט ארויסזאָגען, האָט ער שוין געמוזט ארויסזאָגען זיך אויך וועגען זיין ארבייט צו לאנד, ווייל דאָס בעלאנגט אויך צו דערזעלבער אבטהיילונג וויא זיינע בעציהונגען צו אננא׳ן.

— איך זעץ פאָרט אלזאָ — האָט ער געזאָגט — דיא הויפּטזאַך איז וואָס ארבייטענדיג ביי עפּעס, איז נויטיג צו זיין איבערצייגט, אז דאָס וואָס איך טהו, וועט בלייבען און וועט ניט אָבשטארבען צוזאמען מיט מיר, אז איך וועל האָבען יורשים — און דאָס האָב איך ניט. שטעלט זיך פאָר דיא לאגע פון א מענשען, וועלכער ווייס פאָראויס, אז זיינע קינדער, וועלכע זיינען געבוירען פון זיין געליעבטער פרויענצימער, זיינען ניט זיינע, נור עמיצענס, וועלכער האסט זיי און וויל פון זיי ניט וויסען. דאָס איז דאָך שרעקליך.

ער איז אנשוויגען געוואָרען, קענטיג שטארק בעאונרוהיגט.

— געוויס, איך פארשטעה דאָס. אָבער וואָס־זשע קאָן טהאָן אננא? — האָט א פרעג געטהאָן דאריא אלעקסאנדראָוונא.

— יא. דאָס ברייגגט מיך צום צוועק פון מיינע רייד — האָט ער געזאָגט קוים בערוהיגענדיג זיך — אננא קאָן יא, עס הענגט אָב פון איהר... אפילו בלויז צוליעב דעם, אז מען זאָל קאָנען דערלאנגען א בקשה דעם קיסר, דארף מען פריהער אויסווירקען א גט. און דאָס הענגט אָב פון אננא׳ן. איהר מאַן האָט איינגעשטימט צו געבען א גט — אייער מאַן האָט דאָס דעמאָלט שוין גאָר אין גאנצען געווען אויסגעפיהרט. און איך ווייס, אז ער וואָלט איצט אויך דעריין ניט אָבגעזאָגט. מען וואָלט איהם בלויז דארפען אָנשרייבען. ער האָט אליין דאַן געענטפערט,

# אננא קארענינא

אז אויב זיא וועט דאס פערלאנגען, וועט ער איהר דעריין ניט ענטזאגען. נאטירליך — האט ער געזאגט בייזלעך — דאס איז איינע פון דיא פאריסייערשע הארט־הערציגקייט, אויף וועלכער עס זיינען פעהיג בלויז אזעלכע מענשען אהן הערצער. ער ווייס וויפיעל יסורים איהר קאסט יעדע עראינערונג וועגען איהם און קענענדיג זי, פאדערט ער פון דעסטוועגען א בריעף פון איהר. איך פערשטעה, אז פאר איהר איז דאס א פייניגונג. אבער דיא אורזאכען זיינען דאך אזעלכע וויכטיגע, אז מען מוז אוועקלייגען אן א זייט דיא איידעלע סענטימענטען פון דיא קינדערס וועגען. וועגען זיך רייד איך ניט, אבוואהל מיר איז שווער, זעהר שווער — האט ער געזאגט און אויף זיין געזיכט איז ערשיענען דער אויסדרוק פון א דראהונג, וויא ער וואלט וועמען סטראשען פאר דאס, וואס איהם איז שווער — אזוי איז דאס, פירסטין, איך כאפ זיך פאר אייך אן געוויסענלאז, וויא פאר א רעטונגס־אנקער. העלפט מיר צוריידען זיא, אז זיא זאל איהם שרייבען און פאדערען פון איהם א גט!

— יא, פארשטעהט זיך — האט פערטראכטערהייט געזאגט דאריא אלעקסאנדראוונא און האט זיך דערמאהנט אויף איהר לעצטען מאהל זעהען זיך מיט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש — יא, פארשטעהט זיך — האט זיא ווידערהאלט מיט ענטשלאסענהייט.

— ווענדעט אן אייער איינפלוס אויף איהר, פיהרט אויס, אז זיא זאל שרייבען. איך וויל ניט און קאן כמעט ניט ריידען מיט איהר וועגען דעם.

— גוט, איך וועל מיט איהר ריידען. אבער וויא קומט דאס, אז זיא אליין גיט גאר ניט א טראכט וועגען דעם? — האט געזאגט דאריא אלעקסאנדראוונא, און האט פלוצלינג דערמאנט זיא אויף אננא'ס געוועהנהייט, צו פערזשמורען דיא אויגען; זיא האט זיך דערמאהנט וויא אננא האט א זשמורע געטהאן דיא אויגען אקוראט טאקע אין דער מינוט, ווען עס זיינען בעריהרט געווארען אזעלכע זאכען, וואס זיינען טיעף אין הארצען. „עפעס אזוי וויא זיא וואלט דעם גאנצען לעבען זשמורען זיך, ניט צו זעהען אלעס“ — האט א טראכט געטהאן דאללי — יא, ניט אנדערש, איך וועל פון זיך וועגען און פון איהרט וועגען ריידען מיט איהר — האט געענטפערט דאריא אלעקסאנדראוונא אויף זיין אויסדרוק פון דאנקבארקייט.

זיי זיינען אויפגעשטאנען און זיינען אוועק צום הויז.

## 22.

אננא האט געפונען דאללין שוין אן אומגעקעהרטע אין הויז און האט אויפמערקזאם ארייגעקוקט איהר אין דיא אויגען, וויא זיא וואלט אויספרעגען וועגען דעם געשפרעך, וואס זיא האט געהאט מיט ווראנסקין, אבער מיט ווערטער האט זיא דאס ניט געפרעגט.

— עס איז, דוכט זיך, שוין צייט מיטאג עסען — האט זיא געזאגט — מיר האבען זיך דאך נאך גארניט געזעהן. איך רעכען אז אין אבענד וועלען מיר האבען דיא מעגליבקייט, יעצט דארף מען געהען איבערציהען זיך. איך מיין, אז דוא אויך. מיר האבען זיך אלע אזוי איינגעשמוצט דארט ביי דיא געביידעס.

דאללי איז אוועק אין איהר צימער און איהר איז געווארען קאמיש. אנטהאן האט זיא ניט געהאט וואס, ווארום זיא האט שוין אנגעטהאן איהר בעסטע קלייד. אזוי אבער וויא מען דארף דאך מיט עפעס ווייזען אן איבערבייט אין קליידונג צו מיטאג, האט זי אגעבעטען דיא דיענסט אבצוריינינגען איהר קלייד, האט אומגעביטען דיא מאנשעטען און דעם בענדעל און האט אנגעטהאן שפיצען אויפ'ן קאפ.

— דאס איז אלעס, וואס איך האב געקאנט טהאן — האט זיא מיט א שמייכעל געזאגט אננא'ן, וועלכע איז ארויסגעקומען צו מיטאג אין א דריטע, שפאגעל נייע, איינפאכע קלייד.

— יא, מיר זיינען דא זעהר מאדיש — האט זיא געזאגט, וויא זיא וואלט זיך פארענטפערען פאר איהר אויסגעפוצט זיין — אלעקסיי איז אזוי צופריעדען, וואס דוא ביסט געקומען, אז עס איז זעלטען ער זאל אזוי פון וועמען ניט איז צופריעדען זיין. ער האט זיך אין דיר פערליעבט פאלשטענדיג — האט זיא געזאגט — און דוא ביסט ניט מיעד געווארען?

ביז מיטאג איז געבליעבען ווייניג צייט צו ריידען וועגען וואס. זיי האבען שוין געפונען אין זאל פירסטין ווארווארא און דיא מענער אין שווארצע אנציגע. דער ארכיטעקטאר האט געטראגען א פראק. ווראנסקי האט פארגעשטעלט פאר'ן גאסט דעם דאקטאר און דעם פערוואלטער.

דער דיקער לאקיי, גלענצענדיג מיט זיין דיקען פנים און אנגעקראכמאלעטען ווייסען האלזטוך, האט געמעלדעט, אז דער טיש איז שוין געגרייט און דיא דאמען האבען זיך אויפגעהויבען. ווראנסקי האט געבעטען סוויאזשסקין צו נעהמען אונטערן ארעם אננא ארקאדיעוונא, און אליין איז ער צוגעגאנגען צו דאללי. וועסלאווסקי האט פערכאפט דעם וועג פאר טושקעוויטשען אונטערצושטעלען זיין ארעם דער פירסטין ווארווארא, און טושקעוויטשען דעם פערוואלטער און דעם דאקטאר איז אויסגעקומען צו געהען אליין.

דער מיטאָג, דער עסס־צימער, דאָס געשיר, דיא בעדינונג, דיא וויינען און דיא מאכלים זיינען נאָך געוועזן רייכער און נייער אלס אלעס אַנדערע, וואָס האָט אין דעם הויז איבעררַאשט דאריא אַלעקסאַנדראָווונא. דאריא אַלעקסאַנדראָווונא האָט בעאָבאַכטעט דיא דאָזיגע רייכקייט און דעם וואויל־טאָג, וואָס איז פאַר איהר געוועזן גאַנץ ניי און וויא א בעל הבית'טע, וועלכע פיהרט אַליין א הויז, איז זיא אריינגעדרונגען אין אַלע איינצעלהייטען און האָט זיך געשטעלט דיא פראגע, ווער האָט דאָס אַלעס געמאַכט און וויא דאָס אַלעס איז געשאַפען געוואָרען. וואַסענקא וועסלאָווסקי, סוויאַזשסקי און איהר מאַן, אויך וויפיעל זיא האָט געוואוסט, האָבען וועגען דעם קיין מאָהל ניט געטראַכט, און האָבען געגלויבט, אז יעדער ווירטה וויל פאַר זיינע געסט ווייזען, אַז אַלעס וואָס איז ביי איהם אזוי שעהן איינגעאָרדענט אין הויז, האָט איהם ניט געקאָסט קיין בעזונדער אָנשטריינגונג, אַז דאָס טהוט זיך אַלעס אַליין! אין אַזאַ אָרדנונג.

אָבער דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווונא האָט געוואוסט, א. אַליין פון זיך ווערט ניט בעשאַפען אפילו קיין קאַשקע פאַר דיא קינדער צו פריהשטיק און אז דאַרום האָט דאָ עמיצער געמוזט מיט גרויס אָנשטריינגונג און אויפמערקזאַמקייט אכטונג געבען, אַז אַלעס זאָל קאָנען געמאַכט ווערען אויף אַזאַ רייכען אופן. און זיא האָט בעמערקט פון אַלעקסיי קירילאָוויטשעס בליק, וויא ער האָט א ווינק געטהאָן צום לאַקיי, וויא ער האָט בעקוקט דעם טיש, וויא ער האָט פאַרגעלייגט איהר אויסצוקלייבען באָטווינע אָדער זופּ, אז ער אַליין, דער בעל הבית, זאָרגט זיך וועגען דעם און אז אַלעס איז געמאַכט לויט זיין פעראָרדנונג. פון אַננאַן איז דאָס קענטיג אָבגעהאַנגען וויינינגער איידער פון סוויאַזשסקין אָדער וועסלאָווסקין. זיא, אַננאַ, סוויאַזשסקי, פירסטין וואַרוואַראַ און וועסלאָווסקי זיינען געוועזן גלייכע געסט, וועלכע האָבען מיט פרייד הנאה געהאַט פון דעם, וואָס מען האָט פאַר זיי פאַרטיג געמאַכט. אַננאַ איז געוועזן דיא בעל הבית'טע אויף פיהרען א געשפּרעך. און דאָס האָט אַננאַ געטהאָן מיט איהר געוועהנליכען טאַקט, מיט נאַטירליכקייט און זאָגאַר מיט פערגעניגען, וויא עס האָט באַמערקט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווונאַ.

ביים טיש האָט זיך פערפיהרט אַ געשפּרעך וועגען דעם וויא טושקעוויטש מיט וועסלאָווסקין זיינען אַליין געפאָהרען אין אַ שיפעל און טושקעוויטש האָט אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען דיא לעצטע יאַכט־רייסעס אין פּעטערסבורג. אָבער אַננאַ האָט זיך בענוצט מיט אַ מאָמענט און האָט אַ קעהר געטאָהן דעם געשפּרעך אַזוי אַז דער אַרכיטעקטאָר זאָל ניט בלייבען אַזוי שווייגענדיג וויא ער איז געוועזן.

— ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש איז געוועזן איבעררַאשט — האָט זיא געזאָגט וועגען סוויאַזשסקין — וויא שנעל עס איז אויסגעוואַקסען דער בנין; איך אַליין קוק זיך דאָך צו יעדען טאָג און איך וואונדער זיך יעדען טאָג וויא שנעל עס געהט צו דיא אַרבייט.

— מיט זיין דורכלויכט איז גוט צו אַרבייטען — האָט געזאָגט דער אַרכיטעקטאָר מיט אַ שמייכעל — דאָס איז ניט וויא ווען מען דאַרף האָבען צו טאָהן מיט דער גובערנסקער אַדמיניסטראַציע. אויף דעם פּלאַץ וואָס דאָרט דאַרף מען אויסשרייבען אַ גאַנצען באַרג פּאַפּיער, איז דאָ גענוג אַז איך מעלד דעם גראַף, מיר ריידען זיך דורך, און אין דריי ווערטער פאַרטיג.

— אמעריקאנישע מעטהאָדען — האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל סוויאזש־סקי.

— יא, דאָרט שטעלען זיי אויף בנינים ראציאָנאל...

פון דערפון האָט זיך פערבונדען אַ געשפּרעך וועגען דעם וויא דיא אַמע־ריקאנישע אַדמיניסטראציעס מיסברויכען זייער אמט, אָבער אננא האָט באלד זיך בענוצט מיט אַ מאָמענט, אַ קעהר צו טאָהן דעם געשפּרעך אזוי, אַז דער פּער־וואלטער זאָל ניט בלייבען שווייגענדיג.

— האָסט דוא וועון געזעהען שנייד־מאשינען? — האָט זיא זיך אַ ווענד געטאָהן צו דאריא אלעקסאנדראָוונא — מיר זיינען דאָס געפאָהרען אָנקוקען, ווען מיר האָבען דיך בעגעגענט. איך אליין האָב דאָס צום ערשטען מאָהל געזעהען.

— וויא ארבייט אזא מאשין? — האָט געפרעגט דאללי.

— פּונקט אזוי וויא אַ שעהר. אַ ברעט און פיעל קליינע שערלעך. אָט אזוי.

אננא האָט מיט איהרע שעהנע ווייסע הענד, באַדעקטע מיט רינגען, גע־נומען אַ גאָפּעל מיט אַ מעסער און האָט אָנגעהויבען ווייזען. זיא האָט אָפּנים גע־זעהען, אַז פון איהר ערקלעהרונג וועט מען גאָרנישט פערשטעהן; אָבער וויסענ־דיג, אַז זיא רעדט אנגענעהם און אַז איהרע הענד זיינען שעהן, האָט זיא פאָרט־געזעצט איהר ערקלעהרונג.

— גיכער אהער אַ פעדער־מעסערעל — האָט קאָקעטיש אַ זאָג געטאָהן וועסלאָווסקי ניט אראָבנעהמענדיג פון איהר דיא אויגען.

אננא האָט קוים בעמערקבאר אַ שמייכעל געטאָהן, האָט איהם אָבער ניט געענטפערט — איז ניט אמת, קארל פיאדראָוויטש, אַז אזוי וויא אַ שעהר? — האָט זיא זיך געווענדעט צו דעם דייטש דעם פערוואלטער.

— אָ, יא, — האָט דער דייטש געענטפערט — עס איזט איין גאַנץ איינ־פאַכעס דינג — און ער האָט אָנגעהויבען ערקלעהרען וויא דיא מאשין איז איינ־געאָרדענט.

— שאדע, וואָס דיא מאשין בינדט שוין ניט פאר איין גאַנג דיא זאנגען. איך האָב געזעהען אין וויען אויף דער אויסשטעלונג אַ מאשין, וואָס בינדט מיט דראָט — האָט געזאָגט סוויאזשסקי — יענע לוינט בעסער.

— עס קאָממט דרויף אן... דער פּרייז פאָם דראהט מוסס אויסגערעכנעט ווערדען... צו קאָמפּליצירט, מאכט צופיעל קלאָפּאָט — האָט ערקלעהרט דער דייטש.

— ווינשט מאן דאָכאָטס, זאָ האָט מאן אויך קלאָפּאָטס — האָט געזאָגט וואסענקא וועסלאָווסקי וויצלענדיג זיך צום פערוואלטער.

— און מיר האָבען גערעכענט, אַז מיר וועלען אייך אויך געפינען אין פעלד, וואסילי כעמיאָניטש — האָט אננא אַ זאָג געטאָהן צום דאָקטאָר אום איהם אויך צו מאכען ריידענדיג — זייט איהר דאָרט געוועזן?

— יא, איך בין דאָרט געוועזן, אָבער האָב זיך אָבגעטראָגען — האָט מיט אַ טרויעריגען שפּאָס געענטפערט דער דאָקטאָר, וועלכער איז אליין געוועזן אַ קריינקליכער מענש.

— הייסט דאָס, אַז איהר האָט געמאכט גוטען מאָציאָן.

— פרעכטיגען!

— נו, און וואס מאכט דיא אלטע? איך האף אז זיא ליידט ניט פון טיפוס.

— טיפוס ניט טיפוס, נור זיא קלייבט זיך אהין.

— שאדע! — האט געזאגט אננא אום יוצא צו זיין פאר אלע הויז־מענשען.

— אבער פון דעסטוועגען וואלט מען פון אייער ערקלעהרונג אליין אזא מאשין מאכען ניט געקאנט — האט געזאגט סוויאזשסקי שפאסהאפט צו אננא.

— אבער דערפאר איז אננא ארקאדיעוונא א גוטער מבין אויף ארכיטעקטור, וואונדערליך — האט געזאגט ווראנסקי.

— קיין וואונדער ניט, ווען מען הערט און מען זעהט אזוי פיעל — האט געזאגט אננא — און איהר, וואסענקא, ווייכט דאך אפילו מסתמא ניט פון וואס מען מאכט הייזער.

דאריא אלעקסאנדראוונא האט געזעהען, אז אננא איז ניט צופריעדען פון דעם לייכטען טאן, וועלכען וועסלאווסקי געברויכט, ווען ער רעדט צו איהר, אבער זיא איז ניט וועלענדיג אליין אויך אריינגעפאלען אין אזא טאן.

ווראנסקי האט אין אזעלכע פעלע געהאנדעלט גאנץ אנדערש פון לעווינען. ער האט קענטיג ניט צוגעגעבען קיין וויכטיגקייט וועסלאווסקי'ס פלוידערייען און האט פארקעהרט געהאלפען איהם נאך מאכען שפאס.

— יא, זאגט אונז טאקע, וועסלאווסקי, וויא קלעפט מען דאס צונויף דיא ציגעל?

— נאטירליך, מיט צעמענט.

— בראווא! און וואס איז דאס אזוינס צעמענט?

— דאס איז אזא מין שמירעכץ... ניין, פארשמירעכץ — האט געזאגט וועסלאווסקי און אלע האבען זיך צולאכט.

און אזוי איז דאס געשפרעך ביים טיש ניט אנשוויגען געווארען פאר דער גאנצער צייט פון עסען, מיט דער אויסנאהם פון דעם אנגעוואלקענטען דאקטאר, דעם ארכיטעקטאר און דעם פערוואלטער. און ריידענדיג פלעגט אמאל איינער געטראפען ווערען אונאנגענעהם. איין מאהל איז דאריא אלעקסאנדראוונא בעריהרט געווארען שטארק און זיא האט זיך אזוי צוהיצט, אז זיא איז אגאר רויט געווארען. סוויאזשסקי האט זיך צורעדט וועגען לעווינען און האט דערצעהלט וויא לויט לעווינס מיינונג זיינען מאשינען זאגאר שעדליך פאר רוסישע ווירטהשאפט.

— איך האב ניט דעם פערגעניגען צו קענען דעם הערען לעווין — האט געזאגט ווראנסקי — נור איך רעכען אז ער האט מכתמא ניט געזעהען אליין דיא מאשינען, וועלכע ער פערטהיידיגט. און אויב ער האט יא געזעהען אדער פיעלייכט אויספרובירט אזא מאשין, איז דאס געוועזען מסתמא א רוסישע. ווייטער, וועלכע אנשויאונגען קאנען דען דא זיין?

— אין אלגעמיין טערקישע אנשויאונגען — האט געזאגט וועסלאווסקי מיט א שמייכעל צו אננאן.

— איך קאן ניט פערטהיידיגען זיינע אנזיכטען — האט זיך אנגעצונדען דאריא אלעקסאנדראוונא — אבער איך קאן אייך פערזיכערען, אז ער איז זעהר א

געליעבטער מענש, און אַז ווען ער וואָלט געווען דאָ, וואָלט ער געוואוסט וואָס צו ענטפּערען. איך ווייס ניט.

— איך ליעב איהם זעהר און מיר זיינען גרויסע גוטע פריינד — האָט מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל געזאָגט סוויאזשסקי — אָבער ער איז שוין אַזאַ מענש. ער בעהויפּטעט צ. ב. ש. אַז מען דאַרף ניט קיין זעמסטווא, קיין פריעדענס־געריכטען. קיין זאַך דאַרף מען ניט און ער וויל זיך אין קיין זאַך ניט בעטהייליגען.

— דאָס איז אונזער רוסישע גלייכגילטיגקייט — האָט געזאָגט ווראָנסקי — ניט פיהלען דיא פפליכטען, וועלכע אונזערע רעכטע ליגען אויף אונז אַרויף, און דאַרום ווערן אָבגעלייקענט דיא דאָזיגע פפליכטען.

— איך קען קיין איין מענש ניט, וועלכער זאָל אַזוי שטריינג ערפילען זיינע פפליכטען וויא ער — האָט געזאָגט דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא, זייענדיג אַ יפגערעגט וואָס ווראָנסקי געברויכט אַזאַ טאָן, וויא עפּעס אַ העכערער.

— איך, פאַרקעהרט — האָט געזאָגט ווראָנסקי — איך רעכען פאַר אַן עהרע און בין דאַנקבאַר ניקאָלאַי איוואַנאָוויטשען, וואָס מען האָט מיך אויסערוועהלט פאַר אַן עהרענ־ריכטער. איך רעכען אַז מיין פפליכט איז צו קומען אין געריכט און דאָרט צו אורטהיילען וועגען דעם פויערס אַנגעלעגענהייט, וואָרים משפּט'ן וועגען דעם פויער אין זיין פערד איז איך אַזוי וויכטיג וויא אַלעס וואָס איך קאָן טאָהן. צום אונגליק פאַרשטעהט מען אָבער ניט יענע בעדייטונג, וועלכע גרויסע גרונדבעזיצער דאַרפען האָבען אין דער מלוכה.

— און איך רעכען — האָט געזאָגט אננאַ — אַז אין דער לעצטער צייט זיינען ביי אונז זעהר פיעל דיא דאָזיגע קהל'שע פפליכטען. פונקט וויא פריהער זיינען געווען אַזוי פיעל טשינאָווניקעס, אַז פאַר יעדער זאַך איז נויטיג געווען אַ טשינאָווניק, אַזוי איז איצט מיט דיא כלל־טהוער. אַלעקסיי איז איצט דאָ זעקס מאָנאַט און ער איז שוין אַ מיטגליעדער פון פינף אָדער זעקס היכט זיך פערשיעדענע איינריכטונגען — דיא גאַנצע צייט געהט אַוועק דערויף. און איך האָב מורא אַז פון אַזוי פיעל אַנגעלעגענהייטען, איז דאָס אין דער ווירקליכקייט בלויז אַ פאָרמאַליטעט. אין וויפיעל איינריכטונגען זייט איהר אַ מיטגליעד, ניקאָלאַי איוואַניטש?

— האָט זיא אַ פרעג געטאָהן ביי סוויאזשסקי — דוכט זיך אין צוואַנציג.

אַננאַ האָט גערעדט שפּאַסהאַפט, אָבער אין איהר טאָן האָט זיך געהערט געררייצטקייט. דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא, וועלכע האָט אויפמערקזאַם בעאָבאַכטעט ווראָנסקין און אַננאַן, האָט דאָס גלייך באַמערקט. זיא האָט אויך באַמערקט אַז ווראָנסקיס פּנים איז דערביי געוואָרען ערנסט און פער'עקשנ'ט. בעמערקענדיג דאָס און בעמערקענדיג אויך אַז פירסטין וואַרוואַרא האָט געאיילט פאַר נויטיג גלייך צו פאַרפיהרען אַ געשפּרעך וועגען אַלגעמיינע פעטערבורגער בעקאַנטע, האָט דאָללי פערשטאַנען, אַז מיט דער דאָזיגער פראַגע וועגען כלל־טהועריי איז פערבונדען עפּעס אַן אינטימע קריגעריי צווישען אַננאַן און ווראָנסקין.

דער מיטאַג, דיא ווייגען, דאָס סערווירען — דאָס אַלעס איז געווען גוט, אָבער דאָס אַלעס איז געווען אַזוי, וויא דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא פלעגט זעהען אויף בעלער אין באַנקעטען, פון וועלכע זיא איז אָבגעוועהנט געוואָרען און וועלכער

איז דאָ, אין אַ געוועהנליכען טאָג, אין אַ קליינעם קרייז, געטראָגען דעמזעלבען געזיכטלאָזען כאַראַקטער און אנשטריינגונג, און האָט געמאַכט אויף איהר אַן אונאַנגענעהמען איינדרוק.

נאָך מיטאָג איז מען געזעסען אויף דער טעררַאַסע. דערנאָך האָט מען געשפּיעלט אין לאַון־טעניס. און ווען דאריא אַלעקסאַנדראָוונא איז דעם דאָזיגען אָבענד געגאַנגען שלאָפען, האָט זיך איהר אַלץ פאָרגעשטעלט דיא פיגור פון וואַסענקא וועסלאָווסקי, וועלכער האָט זיך ארומגעצאַפּעלט אויפ׳ן קראַקעי־גרונד שפּיעלענדיג אין לאַון־טעניס. אין דער צייט פון׳ם שפּיעלען גופא האָט דאריא אַלעקסאַנדראָוונא געפיהלט ניט פרעהליך. איהר איז ניט געפעלען געוועזען דיא לייכטע, שפּיעלענדיגע בעציהונג פון וואַסענקא וועסלאָווסקי צו אַננאַן און דיא אַלגעמיינע ניט־נאַטירליכקייט פון דיא ערוואַקסענע מענשען, ווען זיי אַליין, אָהן קינדער, שפּיעלען אין אַזאַ קינדער־שפּיעל. אָבער אום ניט צו שטערען אַנדערע און וויא ניט איז פערברייגען דיא צייט, האָט זיא אויך מיטגעשפּיעלט און האָט זיך געמאַכט וויא איהר וואָלט געווען פרעהליך. דעם גאַנצען טאָג האָט זיך איהר געדוכט, אַז זיא שפּיעלט דאָס אויף דער סצענע מיט שוישפּיעלער, וואָס זיינען גרעסערע אַקטיאָרען איידער זיא און אַז איהר שלעכטעס שפּיעלען פערדאַרבט דיא זאַך.

זיא איז געווען געקומען מיט דער אַבזיכט צו פערברייגען דאָ אַ טאָג צוויי, אויב עס וועט זיך איינלעבען. אָבער אין אָבענד נאָך דאַין צייט פון שפּיעלען האָט זיא בעשלאָסען, אַז מאָרגען פאָהרט זיא. יענע מוטערליכע זאָרגען, געגען וועלכע זיא איז געווען אַזוי ערביטערט, ווען זיא איז געווען אויפ׳ן וועג אַהער, האָבען זיך אין איהר איצט, נאָך אַ טאָג ניט זעהען זיי, ערוועקט ווידער גאָר אויף אַן אַנדער אופן און האָבען זיא געצויגען אַהיים.

ווען זיא איז אַריין אַליין אין איהר צימער, האָט אַראָבגעצויגען איהר קלייד און האָט גענומען צוקאַמען איהרע האָאר, האָט זיא דערפיהלט אַ גרויסע פערלייכטערונג. איהר איז זאָגאָר אונאַנגענעהם געווען צו דיינקען, אַז אַננאַ וועט גלייך אַריינקומען צו איהר. איהר האָט זיך געוועלט פערבלייבען אַליין מיט איהרע געדאַנקען.

איצט זיינען זיי געווען אַליין, און אַננאַ האָט ניט געוואוסט וועגען וואָס צו ריידען. זיא איז געזעסען ביים פענסטער און געקוקט אויף דאַללין און דורכבלעטערענדיג אין איהר ערינערונג אַלעס וואָס זיא וואָלט געקאָנט זאָגען און איהר האָט זיך געדוכט אין דער מינוט, אַז אַלעס איז שוין געזאָגט געוואָרען.

## 23.

דאללי האָט זיך שוין געוועלט לייגען שלאָפֿען, ווען אננא איז צו איהר אריינגעקומען אין א נאכט־קלייד. אין דער לייגג פון טאָג האָט אננא עטליכע מאָל אָנגעהויבען ריידען וועגען דעם וואָס ביי איהר אויפ׳ן הארצען איז, אָבער יעדען מאָהל ווען זיא האָט געזאָגט עטליכע ווערטער, האָט זיא זיך אָבגעשטעלט. „שפּעטער, ווען מיר וועלען בלייבען אליין, וועלען מיר ריידען. איך האָב דיר אזוי פיעל צו זאָגען“, האָט זיא יעדען מאָהל א זאָג געטאָהן.

— נו, וואָס מאכט קיטי? — האָט זיא געזאָגט א זיפץ טאָהנ׳דיג שווער און קוקענדיג אויף דאללי פערשולדיגט — זאָג מיר דעם אמת, דאללי, איז זיא אויף מיר ניט אין כעס?

— אין כעס? ניין! — האָט א שמייכעל געטאָהן דאריא אלעקסאנדראָוונא.

— אָבער זיא האסט מיך, פעראכטעט מיך?

— א, ניין! אָבער דוא ווייסט דאָך, אזעלכע זאכען פערצייהען זיך ניט.

— יא, יא — האָט אננא געזאָגט אָבקעהרענדיג זיך און קוקענדיג אין אָפענעם פענסטער — אָבער איך בין דאָך ניט שולדיג געוועזן. און ווער איז שולדיג? וואָס הייסט שולדיג? האָט דען געקאָנט אנדערש זיין? נו, זאָג, וויא דיינקסט דוא? האָט דאָס דען געקאָנט זיין, אז דוא זאָלסט ניט זיין סטיוואס פרוי?

— איך וויים ווירקליך ניט. אָבער, דוא זאָג מיר בעסער....

— יא, יא, אָבער מיר האָבען נאָך ניט געענדיגט וועגען קיטי. איז זיא גליקליך? מען זאָגט, אז ער איז א פרעכטיגער מענש.

— צו זאָגען א פרעכטיגער איז ווייניג. איך קען קיין בעסערען מענשען ניט.

— אך, וויא דאָס פרעהט מיך! וויא דאָס פרעהט מיך! נאָך ווייניג צו זאָגען א פרעכטיגער — האָט זיא ווידערהאָלט.

דאללי האָט א שמייכעל געטאָהן.

— אָבער דוא דערצעהל מיר וועגען דיך. איך דארף מיט דיר האָבען א לאנגען געשפּרעך. און איך האָב גערעדט מיט... — דאללי האָט ניט געוואוסט וויא אָנצורופען איהם. אונבעקוועם צו רופען גראף אָדער אלעקסיי קיריליטש.

— מיט אלעקסייען — האָט אננא געזאָגט — איך וויים אז איהר האָט גערעדט; איך האָב אָבער דירעקט דיך געוועלט פרעגען, וואָס דיינקסט דוא וועגען מיר, וועגען מיין לעבען?

— וויא קאָן איך דאָס אזוי פלוצלונג גלייך זאָגען? ווירקליך, איך וויים ניט.

— ניין, דוא זאָג מיר פון דעסטוועגען... דוא זעהסט מיין לעבען. אָבער דוא פארגעס ניט, אז דוא זעהסט אונז זומער, ווען מיר זיינען ניט אליין... מיר

זיינען אָבער אהער געקומען אָנפאנג פריהלינג, האָבען געוואָהנט דאָ אליין און מיר וועלען וואָהנען אליין, און בעסערעס פערלאַנג איך גאָר ניט. אָבער שטעל זיך פאָר וויא זאָל זיין, אז איך זאָל זיין אליין אָהן איהם, איינע אליין, און דאָס וועט אזוי זיין.... איך זעה שוין גאנץ גוט, אז דאָס וועט זיך אָפט ווידערהאָלען, אז ער וועט א העלפט פון זיין צייט ניט זיין אין דערהיים — האָט זיא געזאָגט אויפשטע־הענדיג און צוזעצענדיג זיך נעהענטער צו דאללין. געוויס, איך וועל איהם מיט געוואלד ניט צוהאלטען. און איך האלט ניט. היינט זייןען רייסעס, זיינע פערד בעטהייליגען זיך, פאָהרט ער, זעהר גערן. אָבער דוא גיב א טראכט וועגען מיר, שטעל זיך פאָר מיין לאגע.... אָבער וואָס איז וועגען דעם צו ריידען ? — זיא האָט א שמייכעל געטאָהן — אאיז וועגען וואָס האָט ער מיט דיר גערעדט ?

— ער האָט גערעדט וועגען דעם, וועגען וואָס איך האָב אליין געוועלט מיט דיר ריידען און מיר איז דעריבער לייכט צו זיין זיין אדוואָקאט: וועגען דעם, צו איז ניטאָ א מעגליכקייט און צו קאָן מען ניט... — דאריא אלעקסאנדראָוונא האָט זיך צושטאמעלט — צו קאָן מען ניט פערריכטען, בעסער מאכען דיין לאגע... דוא ווייסט וויא איך קוק... אָבער פון דעסטוועגען איבּ עס איז נור מעגליך, דארף מען הייראטהען...

— דאָס הייסט בעקומען א גט ? — האָט געזאָגט אננא — דוא ווייסט, דיא איינציגע פרויענצימער, וועלכע האָט מיך בעזוכט, ווען איך בין געוועזן אין פעטערסבורג, איז געוועזן בעטסי טווערסקאיא ? דוא קענסט דאָך זיא ? דיא ערגסטע פרויענצימער וואָס עקזיסטירט. זיא איז געוועזן פערבונדען מיט טושקע־וויטשען און האָט אויף דעם שענדליכסטען אופן גענארט איהר מאן. און מיר האָט זיא געזאָגט, אז זיא וויל מיך ניט קענען אזוי לאנג וויא מיין לאגע וועט ניט זיין רעגעלמעסיג. מיין ניט, אז איך מאך א פערגלייך... איך קען דיך, מיין גוטע, הארציגע דאללי. איך האָב אָבער ניט ווילענדיג דערמאָנט זיך... איז וואָס־זשע האָט ער דיר געזאָגט ? — האָט זיא ווידערהאָלט.

— ער האָט געזאָגט, אז ער ליידעט פאר דיר און פאר זיך. דוא וועסט אפשר זאָגען, אז דאָס איז עגאָאיזם, אָבער דאָס איז א גוטער און ווערטהער עגאָ־איזם! ער וויל ערשטענס, אז זיין טאָכטער זאָל ווערען א געזעצליך קינד אין זיין דיין געזעצליכער מאן, האָבען א רעכט אויף דיר.

— וועלכע פרוי, א שקלאפין, קאָן נאָך זיין מעהר א שקלאפין אלס איך אין מיין לאגע ? — האָט זיא טרויעריג איבערגעשלאָגען.

— דיא הויפט זאך אָבער וואָס ער וויל... ער וויל, אז דוא זאָלסט ניט ליידען.

— דאָס איז אונמעגליך! נו ?

— נו, און א זעהר געזעצליכער וואונש: ער וויל אז אייערע קינדער זאָ־לען האָבען א נאָמען.

— וועלכע קינדער ? — האָט אננא געפרעגט ניט קוקענדיג אויף דאללי און זשמורענדיג דיא אויגען.

— אני און קינפטיגע...

— וועגען דעם קאָן ער רוהיג זיין; איך וועל מעהר קיין קינדער ניט האָבען.

# אננא קארענינא

— וויא־זשע קאָנסט דוא זאָגען, אז דוא וועסט ניט האָבען?...

— איך זאָג אז ניט, ווייל איך וויל דאָס ניט.

און ניט קוקענדיג אויף איהר אויפגערעגטקייט האָט אננא א שמייכעל גע־טאָהן, בעמערקענדיג דעם נאַאיווען אויסדרוק פון נייגעריגקייט, פערוואונדערונג און שרעק אויף דאָלליס פּנים.

— מיר האָט דער דאָקטאָר געזאָגט נאָך מיין קראַנקהייט....

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס קאָן ניט זיין! — האָט געזאָגט דאָללי ברייט צועפּענענדיג דיא אויגען. פאַר איהר איז דאָס געווען איינע פון יענע אונגעהייערע ענטדעקונגען, אז אין דער ערשטער מינוט איז שווער אויפצופאַסען אַלע אויספיהרונגען און פאָלגען פון אזא ענטדעקונג, אָבער וועגען וואָס זיא וועט דארפען פיעל, פיעל דיינקען.

דיא דאָזיגע ענטדעקונג האָט איהר ערקלעהרט דאָס, פון וואָס זיא פלעגט זיך פריהער וואונדערען און פלעגט ניט פאַרשטעהן, ווען זיא פלעגט זעהען פאַ־מיליעס, אין וועלכע עס זיינען מעהר ניט פאראַן וויא איין אָדער צוויי קינדער, און דאָס האָט אין איהר ארויסגערופען אזוי פיעל געדאַנקען און געגענגעזעצטע געפיהלען, אז זיא האָט גאָרנישט געקאָנט זאָגען און האָט געקוקט אויף אננא מיט ווייט צועפּענטע אויגען. דאָס איז דאָך געווען דאָסזעלביגע פון וואָס זיא האָט פאַנטאַזירט, נור איצט ווען זיא האָט זיך דערוואוסט פון דעם סוד איז זיא צו־שראָקען געוואָרען. זיא האָט געפיהלט, אז דאָס איז געווען א צו איינפאַכע לייזונג פון א צו קאָמפּליצירטער פראַגע.

— איז דאָס ניט אונמאָראַליש? — האָט זיא בלויז א פרעג געטאָהן נאָך א ווײַלע שווייגען.

— פאַר וואָס? באַדיינק נור, איך האָב אויסצואוועהלען איינס פון דיא ביידע: ענטוועדער זיין שוואַנגער, ד. ה. קראַנק, אָדער זיין דער פריינד, דער חבר פון מיין מאַן, גאַנץ עגאַל יא, פון מיין מאַן — האָט אננא מיט א כיון ווידערהאָלט דיא לעצטע ווערטער מיט א לייכטזינניגען, אויבערפלעכליכען טאָן.

— נו, יא, נו־יא — האָט געזאָגט דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא, הערענדיג דיעזעלביגע ארגומענטען, וועלכע זיא האָט זיך אליין געבראַכט פריהער, וועלכע האָבען אָבער איצט פערלאָרען פאַר איהר דיא קראַפט פון איבערצייגונג.

— פאַר דיר, פאַר אנדערע — האָט געזאָגט אננא, וויא זיא וואָלט טרעפען איהר געדאַנק — פאַר איך קאָן נאָך זיין א צווייפעל, אָבער פאַר מיר... פאַרשטעה דאָך, איך בין דאָך ניט קיין פרוי; ער ליעבט מיך אזוי לאַנג וויא לאַנג ער ליעבט. און וואָס־זשע ווייטער, מיט וואָס וועל איך אויפהאַלטען זיין ליעבע? דערמיט?

זיא האָט אויסגעצויגען איהרע ווייסע הענד פאַר'ן בויך.

ביי דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא אין קאָפּ האָבען זיך געשטויסען דיא געדאַנ־קען מיט אונגעוועהנליכער שנעלקייט. „איך האָב ניט צוגעצויגען צו זיך סטיוואַן— האָט זיא געטראַכט — ער איז פון מיר אוועק צו אנדערע, און יענע ערשטע, צוליעב וועלכע ער איז מיר געווען אונטריי, האָט איהם דאָך ניט איינגעהאַלטען לעבען זיך דערמיט וואָס זיא איז געווען שטענדיג שעהן און פרעהליך. ער האָט אוועקגעוואָר־

פען יענע און האט גענומען אן אנדערע. קאן דען אננא דערמיט צוציהען אין איינהאלטען לעבען זיך גראף ווראנסקי? אויב ער וועט בלויז דאס זוכען, וועט ער געפינען קליידער און מאניערען נאך מעהר אנציהענדע און לוסטיגע. און וויא שעהן, וויא ווייס עס זאלען ניט זיין איהרע נאקעטע הענד, וויא שעהן עס זאל ניט זיין איהר רונדע טאליע, איהר צוהיצטער פנים ארומגערינגעלט מיט דיא דאזיגע שווארצע האאר, וועט ער פון דעסטוועגען קאנען געפינען נאך בעסערע, וויא עס זוכט און געפינט מיין עקעלהאפטער, ערבארמליכער, אוי ליעבער מאן".

דאללי האט גארנישט געענטפערט און האט בלויז א זיפץ געטאהן. אננא האט באמערקט דעם דאזיגען זיפץ. זיא האט אבער געהאט אין זאפאס נאך ארגומענטען, אזעלכע שטארקע אז אויף זיי קאן שוין ניט זיין וואס צו ענטפערען.

— דוא זאגסט, אז דאס איז ניט גוט? אבער מען דארף דאך פריהער בע־דיינקען. דוא פארגעסט מיין לאגע. וויא אזוי קאן איך וועלען האבען קינדער? איך רייד ניט וועגען דיא יסורים: פאר זיי האב איך קיין מורא ניט. גיב אבער א טראכט, ווער וועלען זיין מיינע קינדער? אונגליקליכע קינדער, וועלכע וועלען טראגען א פרעמדען נאמען. שוין פון געבארענהייט אן וועלען זיי זיין געצוואונגען צו שעהמען זיך מיט זייער מאמען, טאטען און מיט זייער געבורט.

— דערפאר איז דאך טאקע נויטיג א גט.

אבער אננא האט ניט געהערט. איהר האט זיך געוואלט ארויסזאגען דיעזעל־ביגע ארגומענטען, וועלכע האבען זיא אליין אזוי פיעל מאהל איבערצייגט.

— צו וואס־זשע איז מיר געגעבען געווארען א שכל, אויב ניט דערצו, אז איך זאל ניט ברייננען אויף דער וועלט קיין אונגליקליכע?

זיא האט געקוקט אויף דאללי, אבער ניט דערווארטענדיג זיך קיין ענטפער, האט זיא פארטגעזעצט:

— איך וואלט זיך אימער געפיהלט שולדיג פאר דיא דאזיגע קינדער — האט זיא געזאגט — ווען זיי זיינען ניטא, זיינען זיי ווייניגסטענס ניט אונגליקליך, און ווען זיי זיינען אונגליקליך, דאן בין איך דאך אליין שולדיג דעריין.

דאס זיינען געווען דיזעלביגע ארגומענטען, וועלכע דאריא אלעקסאנדראוונא האט זיך אליין אנגעפיהרט פריהער; אבער איצט האט זיא געהערט זיי און ניט פערשטאנען. „וויא קאן מען שולדיג זיין פאר וועזענס, וועלכע עקזיסטירען ניט?" האט זיא געטראכט. און פלוצלונג איז איהר ארויפגעקומען א געדאנק: האט דען געקאנט זיין אזא פאל, אז פאר איהר ליעבלינג, גרישא, זאל זיין בעסער ווען ער וואלט ניט געבארען ווערן? און דאס האט זיך איהר אויסגעוויזען אזוי ווילד, אז זיא האט א טרויסעל געטאהן מיט'ן קאפ אום צו צושטרייען דעם פלאנטער פון וואהנזיניגע געדאנקען, וועלכע האבען זיך געדרעהט אין איהר קאפ.

— ניין, איך ווייס ניט, ניט גוט אזוי — האט זיא בלויז געזאגט מיט אן אויסדרוק פון ווידערליכקייט אויף איהר פנים.

— יא, אבער פארגעס ניט וואס דוא ביסט און וואס איך בין... היינט א חוץ דעם, פארגעס ניט דיא הויפטזאך, אז איך געפין זיך איצט ניט אין יענער לאגע, אין וועלכער דוא געפינסט זיך. פאר דיר איז דיא פראגע: ווינשסט דוא מעהר ניט צו האבען קיין קינדער? און פאר מיר איז דיא פראגע: צו ווינש

איך זיי צו האָבען. און דאָס איז א גרויסער אונטערשיעד. דוא פארשטעהסט דאָך, אז איך קאָן זיי ניט וועלען האָבען אין מיין לאגע.

דאריא אלעקסאנדראָוונא האט קיין וואָרט ניט געזאָגט דאגעגען. זיא האט פלוצלונג דערפיהלט, אז זיא איז צו ווייט פון אננאן, אז צווישען זיי עקזיסטירען אזעלכע פראגען, אין וועלכע זיי וועלען קיין מאָהל ניט איינשטימען און וועגען וועלכע עס איז בעסער ניט צו ריידען.

## 24.

— אויב אזוי איז דיר דאָך נאָך נויטיגער איינצואָרדנען זיך, אויב מעגליך — האט געזאָגט דאללי.

— יא, אויב מעגליך — האט געזאָגט אננא פלוצלונג, שוין גאָר מיט אן אנדערען, מיט א שטילען און טרויעריגען קול.

— איז דען א גט אונמעגליך? מען האָט מיר געזאָגט, אז דיין מאַן איז איינשטימיג.

— דאללי, איך וויל וועגען דעם ניט ריידען.

— נו, וועלען מיר ניט — האט געאיילט זיך צו ענטפערען דאריא אלעקסאנדראָוונא, באמערקענדיג דעם אויסדרוק פון ליידען אויף אננא׳ס פנים. איך זעה בלויז אז דוא קוקסט צו טרויעריג.

— איך, טרויעריג? עס הויבט זיך ניט אן. איך בין זעהר מונטער און צופריעדען. האָסט געזעהען ווויא געררייצט. וועסלאָווסקי...

— יא, אָבער זאָגען דיר דעם אמת, מיר געפעלט ניט וועסלאָווסקיס טאָן— האט געזאָגט דאריא אלעקסאנדראָוונא, וועלענדיג ענדערען דעם געשפרעך.

— אך, עס הויבט זיך ניט אן! דאָס קיצעלט אלעקסעיען און ווייטער נישט; אָבער ער איז א אינגעל און איז אין גאנצען ביי מיר אין דיא הענד; דוא פארשטעהסט, איך קאָמאנדיר איהם וויא איך וויל. ער איז אלץ איינס וויא דיין גרישא... דאללי! — האט זיא פלוצלונג איבערגעביטען דעם טאָן — דוא זאָגסט איך קוק טרויעריג, איך זוך בעסער גאָר ניט צו קוקען, דאָס איז צו שרעקליך.

— אָבער מיר דוכט זיך, אז מען מוז. מען דארף טאָהן אלעס, וואָס מען קאָן.

— אָבער וואָס קאָן מען? גאָרנישט. דוא זאָגסט, הייראטהען מיט אלעקסייען און אז איך טראַכט וועגען דעם ניט. איך טראַכט וועגען דעם ניט! — האָט זיא ווידערהאָלט און א רויטע פארב איז ארויסגעטראָטען אויף איהר פנים — איך טראַכט ניט? ניטאָ קיין טאָג, קיין שטונדע, וואו איך זאָל ניט טראַכטען און ניט מאַכען זיך קיין פאָרווירפע, פאר וואָס איך טראַכט... וואָרום דאָס טראַכטען וועגען דעם קאָן מיך פון זינען אראָבפיהרען. פון זינען אראָבפיהרען — האָט זיא ווידערהאָלט — ווען איך טראַכט וועגען דעם קאָן איך ניט איינשלאָפען אָהן מאָר־

פיום. אָבער גוט. לאָמיר ריידען רוהיג. מען זאָגט מיר — א גט. ערשטענס וועט ער קיין גט מיר ניט געבען. ער איז איצט אונטער דעם איינפלוס פון גרעפין לידיא איוואנאָוונא.

דאריא אַלעקסאַנדראָוונא האָט מיט א ליידענדען פּנים נאָכגעפאָלגט מיט איהרע בליקען נאָך אַננאַן, וועלכע איז ארומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער.

— מען דאַרף אָבער פּרובירען — האָט זיא געזאָגט שטיל.

— נו, לאָמיר רעכענען, אַז פּרובירען. וואָס בעדייט דאָס? דאָס בעדייט, אַז איך, וועלכע האסט איהם און וועלכע פיהלט זיך דאָך שולדיג געגען איהם — און איך רעכען איהם פאר גרויסמוטהיג — איך זאָל, הייסט דאָס, ערנידריגען זיך און שרייבען איהם... נו, לאָמיר רעכענען, איך וועל מאַכען אן אנשטריינגונג. אָדער איך וועל בעקומען אן ערניעדריגענדע אנטוואָרט אָדער ער וועט איינשטימען. גוט, רעכענען מיר, אַז איך וועל בעקומען א צושטימונג... — אננא איז אין דעם מאָמענט געווען אין דעם ווייטעסטען ווינקעל פון צימער און זיא האָט זיך אָבגעשטעלט, שפּילענדיג מיט א גאַרדינע פון פענסטער — איך וועל בעקומען א צושטימונג, און דער זוהן?... דער זוהן... זיי וועלען דאָך איהם מיר ניט אָבגעבען. ער וועט דאָך אויסוואַקסען, האַסענדיג מיך, ביי א פאָטער, וועלכען איך האָב אוועקגעוואָרפען. פאַרשטעה דאָך, אַז איך ליעב ביידען גלייך, צוויי בעשעפּעניסען — סעריאָזשאַן און אַלעקסייען.

זיא איז צוגעקומען צום מיטען צימער און האָט זיך איצט אָבגעשטעלט לעבען דאללין, צודריקענדיג ביידע הענד צו דער ברוסט. איהר פיגור האָט אין שלאָף־קלייד אויסגעזעהען בעזונדער גרויס און ברייט. זיא האָט אָנגעבויגט דעם קאָפּ און האָט פון אונטערן שטערען געקוקט מיט גלאַנציגע, נאַסע אויגען אויף דער קליינער מאָגערער פיגור פון דאללי, וועלכע האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

— בלויז דיא דאָזיגע צוויי בעשעפּעניסען ליעב איך, און איינער שליסט אויס דעם צווייטען. איך קאָן זיי ניט פעראייניגען, און דאָס איז דאָס איינציגע וואָס איך דאַרף. און אויב דאָס ניט, דאַן איז מיר אַלעס איינס. אַלעס, אַלעס איינס. עס וועט זיך דאָך ווייא עס איז ענדיגען, און דארום ליעב איך ניט און וויל וועגען דעם ניט ריידען. מאַך דאָך מיר ניט קיין פאָרווירפע, אורטהייל מיך ניט פאר קיין זאַך. דוא, מיט דיין ריינהייט, קאָנסט ניט פארשטעהען אַלעס דאָס, פון וואָס איך לייד.

זיא איז צוגעגאַנגען און האָט זיך געזעצט לעבען דאללי און האָט מיט א שולדיגען פּנים ארייגעקוקט אין איהר געזיכט.

— וואָס דיינקסט דו? וואָס דיינקסט דוא וועגען מיר? פערהאַס מיך ניט. איך בין ניט ווערטה דיין האַסס. איך בין דיא אונגליקליכע. אויב עס איז דא וואו אן אונגליקליכע, דאַן בין איך דאָס — האָט זיא געזאָגט, האָט זיך אָבגעקעהרט און האָט זיך צוואַויינט.

בלייבענדיג אליין, האָט דאללי אָבגעלייענט איהר אבענד־געבעט און האָט זיך געלעגט שלאָפען. זיא האָט זעהר רחמנות געהאַט אויף אַננאַן אין דער צייט ווען זיא האָט גערעדט מיט איהר, אָבער איצט האָט זיא זיך ניט געקענט צווינגען צו טראַכטען וועגען איהר. דיא ערינערונגען וועגען דער הייב

האָבען זיך ערוועקט איצט אין איהר מיט א בעזונדער צוציהונג, מיט א בעזונדערן חן. דיא דאָזיגע וועלט איהרע האָט זיך איצט איהר געוויזען אלס בעזונדער ליעבליך און טהייער, אז זיא האָט אפילו ניט געוואָלט דאָ מעהר בלייבען קיין איין טאָג און האָט בעשלאָסען, אז זיא מוז מאָרגען אבפאָהרען.

אננא האָט דערווייל זיך אומגעקעהרט אין איהר קאַבינעט, האָט גענומען א גלעזעל, האָט אריינגעטריפט עטליכע טראָפּען מעדיצין אין וועלכע דער וויכטיגס־טער טהייל איז געווען מאָרפין, זיא האָט עס אויסגעטרונקען און נאָך דעם וויא זיא איז געזעסען א ווייל אונבעוועגליך איז זי דערנאָך מיט א רוהיגען און לוס־טיגען גייסט אריין אין שלאָפצימער.

ווען זיא איז אריין אין שלאָפצימער, האָט ווראָנסקי אויפמערקזאם אויף איהר א קוק געטאָהן. ער האָט געזוכט צו געפינען צייכענס פון דעם געשפּרעך וואס זיא האט געהאט מיט דאללי, וויסענדיג אז זיא איז געזעסען אזוי לאנג אין איהר צימער. ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט געפינען אין איהר גערייצט־איינגעהאל־טענעם אויסדרוק, אויסער דיא צויבערנדע שעהנהייט, צו וועלכער ער איז אפילו שוין געוועהנט, אָבער וועלכע האט איהם דאָך נאָך אלץ געצויגען צו זיך. ער האט ניט געוואלט פרעגען זיא וועגען וואס זיי האבען גערעדט, ער האט גע־האָפט, אז זיא וועט איהם אליין דערצעהלען. זיא האט אבער בלויז געזאגט:

— מיך פרעהט זעהר, וואס דיר איז דאללי געפעלען. ניט אמת?

— איך קען זיא דאָך שוין פון לאנג. זיא איז זעהר א גוט־הערציגע, אביסעל איינפאך, אָבער איך בין זעהר גערן פון איהר קומען.

ער האט אָנגענומען אננאס האנד און האט פראגענד אריינגעקוקט איהר אין דיא אויגען.

זיא האָט אַנדערש פערשטאַנען זיין בליק און האט איהם צוגעשמייכעלט.

---

אויף מאָרגען, ניט קוקענדיג אויף דעם געבעט פון דיא בעלי־בתים, האָט דאריא אלעקסאנדראָוונא זיך געקליבען פאָהרען. לעווינס קוטשער אין זיין ניט נייעם קאָסטיום און האלב־קוטשעריש היטעל מיט זיין פערשידענ־פארביגען גע־שפּאַן און געלאטעטע קאליאסקע איז צוגעפאהרען צום פאראדנעם אריינפאָהר, אויף דעם וועג וואס איז געווען שעהן בעשאָטען מיט זאמד.

דאָס אבשיעד נעהמען פון פירסטין ווארווארא און פון דיא מענער איז פאר דאריא אלעקסאנדראָוונא געווען אונאנגענעהם. פערברייגענדיג דאָרט א טאָג האָט זיא, און אויך האָבען דיא בעלי בתים, קלאָהר געפיהלט, אז זיי פאסען זיך ניט איינע פאר דיא אנדערע און אז דאָס בעסטע איז פאר זיי ניט צוזאמען צו קומען. איין אננאן איז נור געווען אומעטיג. זיא האָט געוואוסט, אז איצט, מיט דאללים אבפאָהרען, וועט שוין קיינער ניט צועפענען אין איהר הארצען יענע גע־פיהלען, וועלכע האָבען אין איהר ערוואכט פון דאלים בעזוך. אנריהרען דיא דאָזיגע געפיהלען האָט איהר וועה געטאָהן. זיא האָט אָבער געוואוסט אז דאָס איז דער בעסטער טהייל פון איהר נשמה און אז דער טהייל פון איהר נשמה ווערט פער־זונקען אין יענעם לעבען, וועלכען זיא האָט געפיהרט.

ארויספאָהרענדיג אין פעלד, האָט דאריא אלעקסאנדראָוונא געפיהלט אז

אנגענעהמע ערלייכטערונג און איהר האָט זיך געוועלט פרעגען ביי דיא מענשען, וויא איז זיי געפעלען געוואָרען ביי וורא֞נסקין, אָבער דער קוטשער פיליפּ האָט אליין אָנגעהויבען ריידען:

— רייך זיינען זיי רייך, און האָבער האָט מען געגעבען אין גאַנצען דריי מעסטלעך. ביז דיא העהנער איז דאָס שוין ריין געוואָרען. וואָס־זשע זיינען דריי מעסטלעך? מעהר ניט צוצובייסען. איצט קריגט מען האָבער אפילו ביי בעל־אכסאניאס 45 קאָפּיקעס א מעסטעל. נישטקשה, ביי אונז אז עס קומט צופאָהרען ווער איז וויפ־על זיי עסען אזוי פיעל גיט מען.

— א קמצן א פריץ — האָט צוגעשטימט דער קאַנטאָרשטשיק.

— נו, און זייערע פערד זיינען דיר געפעלען געוואָרען? — האָט א פרעג געטאָהן דאללי.

— דיא פערד — אָט דאָס איז גוט. און עסען אויך גוטעס. אָבער מיר האָט עפּעס זיך אויסגעוויזען אומעטיג, דאריא אלעקסאנדראָוונא; איך ווייס ניט וויא איך — האָט ער געזאָגט א קעהר טאָהנ׳דיג צו איהר זיין שעהנעם און גוטען פּנים.

— מיר אויך אזוי. נו, וועלען מיר צו אבענדס קומען צופאָהרען?

— מען דארף זעהען קומען.

ווען דאריא אלעקסאנדראָוונא איז געקומען אהיים און האָט געפונען אלעס אין אָרדנונג און אלעמען אזוי ליעבליך, האָט זיא דערצעהלט וועגען איהר רייזע, וויא גוט מען האָט זיא אויפגענומען, וויא רייך און געשמאַקפול דיא וורא֞נסקים לעבען, און זיא האָט קיינעם ניט געלאָזט א וואָרט ריידען געגען זיי.

— מען דארף קענען אננאַן און וורא֞נסקין, אום צו פארשטעהן וויא ליעב־ליך און וויא מילד זיי זיינען — האָט זיא געזאָגט איצט גאַנץ אויפריכטיג, פאַר־געסענדיג יענעם בעשטימטען געפיהל פון אונצופריעדענהייט, וועלכען זיא האָט דאָרט געפיהלט.

## 25.

וורא֞נסקי און אננאַ האָבען אזוי אָבגעלעבט צו לאַנד דעם גאַנצען זומער און א טהייל פון הערבסט, אלץ אין דיזעלביגע אומשטענדען, אלץ ניט פאָרנעהמענ־דיג קיינע מיטלען פאַר א גט. עס איז צווישען זיי בעשלאָסען געוואָרען, אז זיי וועלען ערגעץ ניט פאָהרען; אָבערביידע האָבען געפיהלט, אז וואָס ווייטער זיי האָבען געלעבט אליין, בעזאָנדערנס אין הערבסט און אָהן געסט, אז זיי וועלען ניט אויסהאלטען אזא לעבען און מען וועט מוזען מאַכען אן ענדערונג.

דאָס לעבען איז, דוכט זיך, געווען אזוי, אז מען האָט גאָר בעסער גאָר ניט געקאָנט ווינשען: עס איז געווען אלעס איבערגענוג, געזונד האָט ניט געפעהלט, א קינד האָבען זיי געהאַט, און ביידע האָבען געהאַט באשעפטיגונג. אננאַ איז אָהן דיא געסט אויך געווען אזוי בעשעפטיגט מיט זיך און האָט דערצו אויך פיעל גע־

לעזען — אי ראמאנען, אי ערענסטע ביכער, וועלכע זיינען געווען אין דער מאָדע. אויסער דעם האָט זיא אין ביכער און זשורנאלען געשטודירט יענע געגענשטענדע, מיט וועלכע ווראָנסקי איז געווען באשעפטיגט, אזוי אז גאנץ אָפט פלעגט ער זיך ווענדען צו איהר מיט פראגען וועגען אגראנאָמיע, ארכיטעקטור, אפילו אמאָל אויך וועגען פערד־צוכט און ספּארטמענישע אנגעלעגענהייטען. ער האָט זיך געוואונדערט וויא זיא וויים אלעס, וויא זיא גערדיינקט אלעס; פון אָנפאנג האָט ער געצווייפעלט אין איהרע ענטפערס און האָט געפאָדערט בעשטעטיגונג. און זיא פלעגט געפינען אין בוך דאָס, וועגען וואָס ער פלעגט פרעגען און האָט איהם געוויזען.

דאָס בויען פון דעם האָספּיטאל איז אויך געווען א זאך, אין וואָס זיא האָט זיך בעטהייליגט. אָבער איהר הויפּט זאָרג איז געווען פון דעסטוועגען — זיא אליין. אויף וויפיעל זיא איז ווראָנסקין טהייער, אויף וויפיעל זיא קאָן פאר איהם פערבייטען אלעס וואָס ער האָט אויפגעגעבען. ווראָנסקי האָט געשעצט דאָס, וואָס ער איז געוואָרען דער איינציגער צוועק פון איהר לעבען, אָבער אין דערזעלבער צייט איז ער געווען בעלעסטיגט פון יענע ליעבעס־נעצען, אין וועלכע זיא האָט געזוכט איהם צו פענטען. וואָס ווייטער, האָט ער אלץ מעהר געזעהען זיך געפענטעט אין דיא דאָזיגע נעצען, און אלץ מעהר האָט זיך איהם געוועלט, ניט אזוי ארויס־צו־רייסען זיך פון זיי, וויא פּרובירען צו שטערען זיי ניט זיין פרייהייט. ווען ניט דער באגעהר צו זיין פריי, וואָס האָט זיך געשטארקט אין איהם וואָס ווייטער אלץ מעהר, וואָלט ווראָנסקי געווען צופריעדען פון אזא לעבען, נור ניט האָבען קיין סצענע יעדען מאָהל ווען ער פאָהרט אין שטאָדט, אויף רייסעס, א. ז. וו.

דיא ראָלע, וועלכע ווראָנסקי האָט פאר זיך אויסגעקליבען, דיא ראָלע פון א רייכען גוט בעזיצער, וואָס דיא דארפען זיין דיא יאָדרע פון דער רוסישער אריסטאָקראטיע, האָט ניט נור צוגעפּאסט זיך צו זיין געשמאק, נור האָט איהם וואָס ווייטער געבראכט אלץ מעהר פערגעניגען. און זיין בעשעפטיגונג האָט איהם וואָס ווייטער אלץ מעהר אריינגעצויגען און איז געגאנגען גוט. ניט קוקענדיג אויף דיא אונגעהייערע אויסגאבען, וואָס איהם האָט געקאָסט דער האָספּיטאל, מאשינען, אימפּאָרטירטע בהמות פון דער שווייץ און נאָך פיעל אַנדערע זאכען, פון דעסטוועגען איז ער זיכער געווען, אז ער האָט פערגרעסערט זיין פארמעגען. וואו עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען איינקונפט. וואלד פערקויפען, תבואה, וואָל, פערדינגען לאנד, אין אלע דיא זאכען איז ווראָנסקי געווען פעסט וויא א פעלז און האָט אלע מאָהל אויסגעהאלטען דעם פּרייז. אין ווירטהשאפטליכע איינצעלהייטען איז ער געווען אויסגערעכענט און שפּארזאם און האָט זיין ווירטהשאפט געפיהרט אויף אַן איינפאכען שטייגער, אָהן ריזיקא. ער פלעגט זיך ענטשליסען אויף גרויסע אויסגאבען בלויז דאן, ווען עס איז געווען איבעריגע געלד, אָבער דאן האָט ער געפאָדערט צו האָבען דאָס בעסטע פאר זיין געלד. אזוי, אז עס איז געווען קלאָהר, דאָס ניט ער רואינירט זיין פערמעגען, נור פארגרעסערט איהם.

אין אָקטאָבער זיינען געווען דיא אדעליגע וואהלען אין קאשינסקער גובערניע, וואו ווראָנסקים, סוויאזשסקים, קאזנישאווס, אבלאנסקים גיטער האָבען זיך איינגעפונען און אויך א קליינער טהייל פון לעווינס גיטער.

דיא דאָזיגע וואהלען האָבען אויף זיך געצויגען דיא געזעלשאפטליכע אויפ-

מערקזאַמקייט, צו פערדאַנקען פיעלע אומשטענדען און פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך אין דיא וואַהלען בעטהייליגט. מאָסקווער, פעטערסבורגער און אויסלענדישע איינוואָהנער, וועלכע זיינען קיין מאָהל ניט געקומען וועהלען, זיינען זיך צונויפגעפאָהרען פאַר דיא דאָזיגע וואַהלען.

ווראָנסקי האָט שוין לאַנג פערשפּראָכען סוויאַזשסקין אַז ער וועט פאָהרען צו דיא וואַהלען. בעפאָר דיא וואַהלען איז סוויאַזשסקי, וועלכער פלעגט אָפט בעזוכען וואָזדוויזשענסקאָיע, פערפאָהרען צו ווראָנסקין.

נאָך מיט אַ טאָג פריהער פאַר דעם איז צווישען ווראָנסקין און אַננאַן פאָרגעקומען כמעט אַ קריגעריי איבער דער דאָזיגער געפּלאַנטער רייזע. דאָס איז געווען דיא לאַנגווייליגסטע און שווערסטע הערבסט־צייט צו לאַנד, און דארום האָט ווראָנסקי, מאַכענדיג זיך פאַרטיג צום קאַמפּף, ערקלעהרט מיט קאַלטע און שטרייגע ווערטער אַז ער וועט פאָהרען צי דיא וואַהלען. צו זיין פערוואונדערונג האָט אַננאַ אויסגעהערט דיא ערקלעהרונג זעהר רוהיג און האָט בלויז געפרעגט ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען. ער האָט אויף איהר אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָהן ניט פערשטעהענדיג דיא דאָזיגע רוהיגקייט. זיא האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל אויף זיין בליק. ער האָט געוואוסט פון איהר פעהיגקייט צו פערקלייבען זיך אין זיך און האָט געוואוסט, אַז דאָס פּאַסירט בלויז דאַן, ווען זיא האָט זיך אויף וואָס בעשלאָסען פאַר זיך אַליין, ניט מעלדענדיג איהם איהרע פּלענער. ער האָט דערפאַר מורא געהאַט; אָבער ער האָט אַזוי געוואָלט אויסמיידען כצענעס, אַז ער האָט געמאַכט אַ פּנים און האָט טאַקי טהיילוויז געגלויבט, אַז זיא האָט איינגעזעהען מיט'ן שכל אַז אַזוי דאַרף זיין.

— איך האָף, אַז דוא וועסט זיך ניט לאַנגווייליגען?

— איך האָף, — האָט געענטפערט אַננאַ — איך האָב נעכטען ערהאַלטען אַ קאַסטען מיט ביכער. ניין, איך וועל ניט פיהלען לאַנגווייליג.

„זיא וויל אַנשלאָגען אַזאַ טאָן, אדרבא — האָט ער אַ טראַכט געטאָהן — זאָל זיין אַן איבערבייט“.

און אַזוי איז ער געפאָהרען צו דיא וואַהלען ניט אַרויסרופענדיג זיא אויף אַן אָפענער ערקלעהרונג. דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל, זינט זייער ערשטער פערבינדונג, אַז ער זאָל זיך מיט איהר זעגענען אַזוי אַז דיא ערקלעהרונג זאָל זיין אַ פאָלשטענדיגע. איהם אַליין האָט דאָס פון איין זייט בעאונרוהיגט, פון דער אַנדער זייט האָט ער געפונען, אַז אַזוי איז בעסער, אָהן אַריינצולאָזען זיך אין איבעררייידענעס און ערקלעהרונגען. „אַנפאַנגס וועט דאָס זיין אַזוי וויא איצט, עפּעס אונקלאָהר, בעהאַלטען, און דערנאָך וועט זיא זיך צוגעוועהנען. יעדענפאַלס קאָן איך איהר אַלעס אָבגעבען, אָבער ניט מיין מענליכע אונאַבהענגיגקייט“, האָט ער געטראַכט.

# א נ נ א   ק א ר ע נ י נ א

## 26.

לעווין האָט זיך איבערגעקליבען אין סעפּטעמבער אין מאָסקווא צוליעב קיטיס קינפּעט. ער האָט שוין געוואָהנט אין מאָסקווא אַ גאַנצען מאָנאַט אָהן באַשעפטיגונג, ווען סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַט אַ מאַיאָנטעק אין קאַשינסקער גובערניע און האָט גענומען אַ גרויסען אַנטהייל אין פראַגע פון דיא בעפאָרשטעהענדע וואַהלען, האָט זיך געקליבען צו פאָהרען צו דיא דאָזיגע וואַהלען. ער האָט גערופען מיט זיך אויך דעם ברודער, וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט אויף איין שטימע אין סעליעזנעווער אויעזד. אויסער דעם האָט לעווין געדאַרפט פאָהרען אַהין וועגען אַ נויטיגער אַנגעלעגענהייט פון זיין שוועסטער, וועלכע האָט אַליין געוואָהנט אין אויסלאַנד.

לעווין האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט ענטשליסען, צו זאָל ער פאָהרען אָדער ניט, אָבער קיטי האָט געזעהען, אַז איהם איז אומעטיג אין מאָסקווא און זיא האָט איהם געראַטהען פאָהרען; זיא האָט אָהן זיין וויסען בעשטעלט פאַר איהם אַן אַדעליגען מונדיר, וואָס האָט געקאָסט אַכציג רובעל. און די אויסגעגעבענע אַכציג רובעל איז געוועזן דיא הויפּט אורזאַכע, וואָס האָט באַוועגט לעווינען צו פאָהרען. ער איז אוועקגעפאָהרען קיין קאַשין.

שוין דער זעקסטער טאָג וויא לעווין איז געווען אין קאַשין, האָט יעדען טאָג בעזוכט דיא זיצונגען און האָט זיך עוסק געווען אין זיין שוועסטערס אנגעלעגענהייט, וואָס איז צוגעגאַנגען שווער. אַלע פאָרשטעהער פון דיא אַדעליגע זיינען געווען פערנומען מיט דיא וואַהלען און ער האָט זיך ניט געקאָנט דערשלאָגען אויסצופיהרען וואָס וועגען דער אַפּעקונסטווא און וועגען דאָס געלד וואָס ער האָט געדאַרפט אַרויסקריגען פאַר זיין שוועסטער. אָבער לעווין האָט זיך שטאַרק געענדערט זינט ער האָט חתונה געהאַט; ער איז געוואָרען געדולדיג און אויב ער האָט ניט פאַרשטאַנען צו וואָס דאָס איז אַזוי איינגעאָרדענט מיט פּלאָנטערס, אַז מען זאָל דאַרפען געהן פון איין בעאַמטען צום צווייטען און קיין מאָהל ניט קאָנען דערשלאָגען זיך וואָס מען דאַרף, האָט ער זיך געזאָגט, אַז אום צו אורטהיילען דאַרף מען פאַרשטעהן דאָס גאַנצע פון אָנהויב ביז'ן סוף, און ניט וויסענדיג אַלעס טאָמען ניט אורטהיילען. און ער האָט זיך געגעבעז דיא מיה ניט צו ווערן אויפגעבראַכט.

איצט זייענדיג דאָ ביי דיא וואַהלען, האָט ער אויך געזוכט ניט צו אורטהיילען, ניט האַמפּערען זיך און זוכען אויף וויפיעל מעגליך צו פאַרשטעהן דיא זאַך, מיט וועלכער עס זיינען אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט און אין וועלכער עס בעטהייליגען זיך מיט איבערגעגעבענהייט אַזוי פיעל עהרליכע און גוטע מענשען. פון יענע צייט אָן וואָס ער האָט חתונה געהאַט, האָבען זיך פאַר לעווינען געעפענט אַזוי פיעל נייע, ערענסטע זייטען פון לעבען, וועלכע האָבען זיך איהם פריהער געדוכט

אלס אונבעדייטענד, און דארום האט ער איצט אויף אין דיא וואהלען געזוכט אן ערענסטע בעדייטונג.

סערגיי איוואנאוויטש האט איהם ערקלעהרט דעם זינען און דיא בעדייטוני פון דער איבערקעהרעניש, וועלכע ווערט געפלאנט ביי דיא וואהלען. דער גובערנסקער פארזיצענדער פון אדעל־שטאנד, אין וועמעס האנד עס זיינען געוועזן אזוי פיעל וויכטיגע געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען, אפעקעס, גרויסע קאפיטאלען פון'ם אדעל, און גימנאזיען — פאר פרויען, מענער און מיליטער־שוהלען, און פאלקס־בילדונג לויט דעם נייעם סיסטעם, און ענדליך דיא זעמסטווא — דער גובערנסקער פארזיצענדער סנעטקאוו איז געוועזן א מאן פון אלטען אדעליגען שניט, וועלכער האט פערשוועדעט אן אונגעהייערען פארמעגען, און אויף זיין אופן א גוטער און עהרליכער מענש. ער האט אימער און אין אלעם געצויגען פאר דער אדעל־שטאנד; ער האט געארבייט דירעקט געגען דער פערשפרייטונג פון פאלקס־בילדונג און האט צוגעגעבען דער זעמסטווא, וועלכע האט געדארפט האבען אזא גרויסע בעדייטונג, בלויז א שטאנדס־כאראקטער.

עס איז נויטווענדיג געוועזן אויף זיין פלאץ אוועקשטעלען א נייעם, א פרישען, מאדערנעם, טיכטיגען מענשען, וועלכער זאל אזוי א קעהר טאהן, אז דיא זעמסטווא זאל האבען א מאכט ניט אלס אדעל־שטאנד, נור אלס לאנד־בעזיצענדער עלעמענט זאל דיא זעמסטווא האבען אויטאנאמישע רעכטע. דיא רייכע קאשינסקע גובערניע איז אין אלעם געגאנגען פאראויס פון אנדערע גובערניעס, און איצט האבען זיך דארט אנגעזאמעלט אזעלכע קרעפטען, אז ווען מען זאל דא פיהרען דיא זאך וויא עס געהער צו זיין, וואלט דיא גובערניע געדינט אלס ביישפיעל פאר אלע אנדערע, פאר גאנץ רוסלאנד. און דארום האט דיא דאזיגע אנגעלעגענהייט געהאט אזא וויכטיגע בעדייטונג. אויף סנעטקאווס פלאץ האט מען געפלאנט אויסצוועהלען אלס פארזיצענדער ענטוועדער סוויאזשסקין אדער נאך בעסער נעוועדאווסקין, א געוועזענער פראפעסאר, זעהר א קלוגער מענש און סערגיי איוואנאוויטשעס א גרויסער פריינד.

דער גובערנאטאר אליין האט ערעפענט דיא פערזאמלונג און האט געהאלטען א רעדע פאר דיא פריצים, אז זיי זאלען וועהלען בעאמטע ניט לויט פערזענליכע פריינדשאפט נור לויט דיא פערדינסטע פון דיא פערזאנען פאר דעם וואהל פון פאטערלאנד, און אז ער האפט, אז דיא קאשינסקער אדעליגע פריצים וועלען, אזוי וויא אין דיא פריהערדיגע וואהלען, היילינ ערפילען זייער פליכט און וועלען בעשטעטיגען דערמיט דאס גרויסע פערטרויען, וואס דער מאנארך האט אין זיי.

נאך דעם וויא ער האט געענדיגט זיין רעדע, איז דער גובערנאטאר אוועק פון זאל און איז ארומגערינגעלט געווארען פון פיעלע בעגייסטערטע מיטגליעדער, ווען ער האט אנגעטאהן זיין פוטער און האט פריינדליך געשפראכען מיט דעם גובערנסקען פארזיצענדען. לעווין, וועלכער האט געוועלט אומעטום אריינדרינגען און קיין זאך ניט דורכצולאזען, איז געשטאנען דא צווישען דאס רעדעל און האט געהערט, וויא דער גובערנאטאר זאגט: „ביטטע, גיט איבער מאריא איוואנאוונא'ן, אז מיין פרוי בעדויערט זעהר, זיא דארף היינט גראד בעזוכען דיא קינדער־אנ־

שטאַלט״. און גלייך נאָך דעם האָבען אַלע פּריצים אָנגעטאָהן זייערע פּוטערס און זיינען געפאָהרען אין דער קאַטהעדראַל־קירכע.

דאָרט האָט לעווין צוזאַמען מיט אַנדערע אויפגעהויבען די האַנד און נאָכגעזאָגט די ווערטער פון׳ם גלח, האָט געשוואָרען מיט דער שרעקליכסטער תוכחה צו ערפילען אַלעס דאָס, אויף וואָס דער גובערנאַטאָר האָט געהאָפּט. גאָטעס־דינסט האָט תמיד געהאַט אַ ווירקונג אויף לעווינען, און ווען ער האָט ארויסגערעדט די ווערטער: „איך קוש דעם קרייץ״ און האָט זיך אומגעקוקט צו דער מאַכע יונגע און אַלטעלייט, וועלכע האָבען ווידערהאָלט דאָסזעלביגע, האָט ער דערפיהלט זיך זעהר געריהרט.

אויפ׳ן צווייטען טאָג זיינען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג געווען די פּונקטען וועגען די אַדעליגע סוממען און וועגען פּרויען־גימנאַזיע, וועלכע האָבען לויט סערגיי איוואַנאָוויטשעס ערקלעהרונג, ניט געהאַט קיין בעדייטונג, און לעווין האָט זיי ניט נאָכגעפאָלגט. אויף דעם פערטען טאָג איז לעבען גובערנסקען טיש אָנגעגאַנגען די רעוויזיאָן פון דער גובערנסקער קאַססע. און דאָ איז צום ערשטען מאָל ארויסגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען דער אַלטער פּאַרטיי און דער נייער. די קאָמיססיאָן, וועלכע האָט געדאַרפט מאַכען די רעוויזיאָן האָט אָבגעגעבען דעם רעפּאָרט אַז די סוממען זיינען אַלע אין גאַנצען. דער גובערנסקער פאָרזיצענדער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געדאַנקט דעם אַדעל־שטאַנד פאַר דעם פערטרויען און טרעהרען האָבען זיך געוויזען אויף זיינע אויגען. די פּריצים האָבען איהם שטירמיש בעגריסט און געדריקט איהם די האַנד. אָבער אין דער צייט האָט איין פּריץ פון סערגיי איוואַנאָוויטשעס פּאַרטיי אַ זאָג געטאָהן, אַז ער האָט געהערט, אַז די קאָמיססיאָן האָט די סוממען גופא ניט רעווידירט, רעכענענדיג אַז אַזאַ רעווידירונג וואָלט געווען אַ בעליידיגונג פאַר דעם גובערנסקען פאָרזיצענדען. איין מיטגליעד פון דער קאָמיססיאָן האָט זיך אונפאָרזיכטיג ארויסגעשפּראָכען, אַז עס איז טאַקע אַזוי.

דאַן האָט איינער אַ קלייניקער, נאָך גאָר אַ יונגער לויט זיין אויסזעהען, אָבער זעהר אַ גיפטיגער, אָנגעהויבען ריידען, אַז דעם גובערנסקען פאָרזיצענדען פון אַדעל־שטאַנד וואָלט זיכער געווען זעהר אַנגענעהם אָבצוגעבען חשבון פון דער קאַסע און אַז די איבערטריבינע איידעלקייט פון די מיטגליעדער פון דער קאָמיססיאָן האָט פון איהם גערויבט די מאָראַלישע בעפריעדיגונג. דאַן האָבען זיך די מיטגליעדער פון דער קאָמיססיאָן ענטזאגט פון זייער ערקלעהרונג און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אָנגעהויבען לאָגיש צו בעווייזען, אַז מען דאַרף אַנערקענען איינס פון די ביידע, ענטוועדער אַז די סוממען זיינען רעווידירט געוואָרען אָדער אַז זיי זיינען ניט רעווידירט געוואָרען. געגען סערגיי איוואַנאָוויטש איז ארויסגעטראָטען אַ רעדנער פון דער געגנערישער פּאַרטיי. דערנאָך האָט גערעדט סוויאַזשסקי און ווידער דער גיפטיגער העדר. די דעבאַטען האָבען זיך געצויגען לאַנג און האָבען זיך געענדיגט מיט גאָרנישט. לעווין איז פערוואונדערט געווען, וואָס מען האָט וועגען דעם אַזוי לאַנג געהאַמפּערט זיך; ער האָט זיך נאָך בעזונדער געוואונדערט דערפאַר, ווייל ווען ער האָט אַ פרעג געטאָהן כערגיי אי־

וואנאָוויטשען, צו רעכענט ער, אז דיא סוממען זיינען פארשוועטדעט געוואָרען, האָט סערגיי איוואנאָוויטש געענטפערט:

— אָ, ניין! ער איז אַן עהרליכער מאַן — אָבער דיא אַלטע גאַנגען פון פאַטריארכאַלע פערוואַלטונג מיט דיא ענינים פון אדעל־שטאַנד דאַרף אָבגעשאַפט ווערען.

אויף דעם פינפטען טאָג זיינען געווען דיא וואַהלען פאַר דיא אויעזדנע פיהרער. דער טאָג איז געווען אַ שטורעמדיגער אין עטליכע אויעזדען. אין סעלענעווער בעצירק איז סוויאזשסקי אויסגעוועהלט געוואָרען איינשטימיג אָהן באַלאטירען און ער האָט דעם טאָג פעראַנשטאַלטעט אַ באַנקעט.

27.

אויף דעם זעקסטען טאָג זיינען געווען באַשטימט דיא וואַהלען פאַר אַ גובערנסקען אנפיהרער פון אַדעל־שטאַנד. דיא גרויסע און קליינע זאַלען זיינען נעוועזן פול מיט פריצים אין פאַרשיעדענע מונדירען. פיעלע זיינען בלויז פאַר דעם טאָג געקומען צופאָהרען. בעקאַנטע, וועלכע האָבען זיך אַ לאַנגע צייט ניט געזעהען, ווער פון קרים, ווער פון פעטערסבורג און ווער פון אויסלאַנד, האָבען זיך דאָ בעגעגענט אין דיא זאַלען. ביים גובערנסקען טיש, אונטער דעם קיסר'ס פאָרטרעט זיינען אָנגעגאַנגען דעבאַטען.

דיא אַדעליגע, וויא אין גרויסען אַזוי אין קליינעם זאַל, האָבען זיך גרופירט אין בעזונדערע לאַגערען. עס איז קענטיג געווען, אַז יעדער צד האָט.עפעס סודות פון דיא אַנדערע. לויט זייער אויסערליכען אויסזעהען האָבען דיא פריצים זיך געטהיילט אין צוויי־ערליי: אַלטע און נייע.

דיא אַלטע זיינען מעהרסטענטהיילס געגאַנגען אָנגעטאָהן, ענטוועדער אין אַלטע פערשפילעטע מונדירען, מיט שווערדען, אָדער אין זייערע בעזונדערע מיליטערישע, פלאָטסקע, קאַוואַלעריע און אינפאַנטעריע מונדירען. דיא מונדירען פון דיא אַלטע פריצים זיינען געווען גענעהט אויף דעם אַלטען אופן מיט בופען אויף דיא אַקסלען; זיי זיינען אַפנים געווען קליין, קורץ אין סטאַן און ענג, אַזוי וויא זייערע טרעגער וואָלטען ארויסגעוואַקסען שוין פון זיי. דיא יונגע אָבער זיינען געווען נעקליידט אין פריצישע, אָבגעשפילעטע מונדירען מיט נידריגע סטאָנען און ברייט אין דיא שולטערן, מיט ווייסע קאַמזיילען, אָדער אין מונדירען מיט שוואַרצע קעלנער און אויסגענעהט מיט לאָרבערן, דער סימן פון יוסטיץ־מיניסטעריום. צו דיא יונגע האָבען בעלאַנגט אויך דיא וואָס האָבען געטראָגען הויף־מונדירען, וועלכע האָבען פלעצער־ווייז בעפוצט דיא מאַסע.

אָבער דיא איינטהיילונג פון יונגע און אַלטע האָט ניט בעצייכענט דיא טהיילונג פון פאַרטייען. לעווין האָט באַמערקט, אַז איינגיגע פון דיא יונגע האָבען בעלאַנגט צו דער אַלטער פאַרטיי און פאַרקעהרט, איינגיגע גאַנץ אַלטע פריצים

האָבען זיך געַ׳סוד׳עט מיט סוויאזשסקין און זיינען געווען הייבע אנהייגער פון דער נייער פּאַרטיי.

לעווין איז געשטאַנען אין קליינעם זאַל, וואו מען האָט געַרויכערט און צוגעביסען, ער האָט זיך צוגעהערט צו דאָס, וואָס מען האָט דאָרט גערעדט און אומזיסט האָט ער געזוכט צו פּאַרשטעהן דיא רייד. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געווען דער מיטעלפּונקט, ארום וועלכען אַנדערע האָבען זיך גרופּירט. ער האָט איצט געהערט דיא ערקלעהרונגען פון סוויאזשסקי און כליוסטאוו —ביידע אויסגעוועהלטע פיהרער פון אויעזדען. כליוסטאוו האָט ניט געפיהלט וויא צו געהן מיט דיא אַדעליגע פון זיין אויעזד בעטען כנעטקאווען, ער זאָל זיך לאָזען וועהלען אויף ווייטער. און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט איהם געהאַלטען פּאַר גערעכט. לעווין האָט ניט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ זינען האָט דאָס איבערהויפּט צו פערלאַנגען אַז עס זאָל ארויסגעשטעלט ווערען אַ קאַנדידאַט, וועלכען מען וויל פּאַרבאַלאטירען.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז צו זיי צוגעגאַנגען אין זיין מונדיר פון אַ קאַמערהערר, נור וואָס אָן אָבגעגעסענער און אויסגעטרונקענער, אָבווישענדיג זיינע באַקענבאַרדען מיט זיין שמעקעדיג טאַשען־טיכעל און האָט אַ זאָג געטאָהן:

— לאָמיר פאַרנעהמען אונזער פּאָזיציאָן, סערגיי איוואַנאָוויטש! נו, קאָסטיא, דוא האָסט אַפּנים אויך בעקומען אַ געשמאַק אין דיא זאַכען — האָט ער געזאָגט ווענדענדיג זיך צו לעווינען און האָט איהם גענומען אונטערן ארעם. לעווין וואָלט געוועלט בעקומען דעם געשמאַק, ער האָט אָבער דאָך ניט געקאָנט פאַרשטעהן אום וואָס עס האַנדעלט זיך, צו וואָס בעטען זיך ביי אַ מענשען, וועלכען מען וויל ניט ערוועהלען.

— א, סאנקטאַ סימפּליציטאַס! — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש און האָט ערקלעהרט לעווינען אום וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

אויב עס זאָל זיין אַזוי וויא אין פריהערדיגע וואהלען און אַלע אויעזדען וואָלטען געבעטען דעם גובערנסקען אנפיהרער וואָלט מען איהם דאָך איבערקלייבען דורכאוים מיט ווייסע שאַרען. און דאָס דאַרף מען ניט. איצט אָבער האָבען בלויז אַכט אויעזדען איינגעשטימט צו בעטען איהם לאָזען זיך וועהלען; אויב צוויי וועלען זיך אָבזאָגען פון צו געהן איהם בעטען, קאָן זיין אַז ער וועט זיך אין גאַנצען אָבזאָגען פון צו לאָזען זיך וועהלען. און דאַן קאָן דיא אַלטע פּאַרטיי ערשט אויסוועהלען איינעם פון איהרע. אויב אָבער בלויז איין אויעזד, סוויאזשסקים, וועט זיך אָבזאָגען פון בעטען איהם, דאַן וועט ער זיך לאָזען וועהלען ווידער. מען וועט איהם זאָגאַר אויסוועהלען און מען וועט איהם נאָך צולייגען איבעריגע שאַרען, אַזוי אַז דיא געגנערישע פּאַרטיי וועט פאַרלירען דעם חשבון, און ווען מען וועט דאַן ארויסשטעלען אונזערן אַ קאַנדידאַט, וועלען זיי אַליין איבערלייגען איהם מעהר שאַרען. לעווין האָט פערשטאַנען, אָבער ניט אין גאַנצען און האָט געוועלט שטעלען נאָך עטליכע פראַגען, נור פּלוצלונג איז געוואָרען אַ רעש, אַ טומעל, אַלע האָבען אָנגעהויבען ריידען אויף אַ מאָל און האָבען אַ שטראָם געטהאָן צום גרויסען זאַל.

— וואָס איז? ווער? ווען? וואָס? — אַ פערטרויענס־פּאַפּיער? ועמען?

וואו? ווער? — מען לייקענט דאס אב? קיינער לייקענט ניט אב! מען דערלאזט ניט פלעכאווסקין. וועמען שטעלען פאר געריכט? אויף אזא אופן וועט מען דאך קיינעם ניט צולאזען. דאס איז א געמיינהייט! — און דאס געזעץ!

— האט געהערט לעווין פון אלע זייטען און איז צוזאמען מיט אלעמען אריינגעטראגען געווארען אין גרויסען זאל און האט זיך געשטופט נעהנטער צום גובערנסקען טיש, וואו עס האבען געהאמפערט זיך היציג סוויאזשסקי, דער גובערנסקי אנפיהרער און אנדערע.

## 28.

לעווין איז געשטאנען גאנץ וויטלעך. דיא מאסע האט זיך צוטהיילט, מאכענדיג א וועג פאר סערגיי איוואנאוויטשען. סערגיי איוואנאוויטש האט געווארט ביז וואנען עס האט זיך געענדיגט דיא רעדע פון דעם גיפטיגען פריץ און האט געזאגט, דאס איהם ווייזט אויס, אז זיכערער פון אלעס וואלט געווען צו ערקונדיגען זיך וואס דער פאראגראף פון געזעץ זאגט וועגען אזא פאל, און ער האט געבעטען דעם סעקרעטער געפינען דעם פאראגראף. עס האט זיך געוויזען, אז לויט געזעץ, אויב עס זיינען פערשיעדענע מיינונגען מוז מען בעשטימען דורך וואהלען.

סערגיי איוואנאוויטש האט איבערגעלייענט דעם פונקט פון געזעץ און האט ערקלעהרט זיין בעדייטונג, אבער דא האט א הויכער, דיקער גוט־בעזיצער מיט געפארבטע וואנצעס איהם איבערגעשלאגען. ער איז צוגעגאנגען צום טיש און האט געגעבען א קלאפ, שרייענדיג אין דער הויך:

— באלאטירען! אויף שארען! גיטא וואס צו טאלקעווען! באלאטירען דארף מען!

פלוצלונג האבען אנגעהויבען עטליכע שטימען ריידען אויף איין מאהל און דער הויכער גוט־בעזיצער האט זיך נאך מעהר אויפגערעגט, האט אנגעהויבען שטארקער צו קלאפען אין טיש און שרייען, אבער מען האט ניט געקאנט פארשטעהן וואס ער האט גע'טענה'ט. גערעדט האט ער אין דער ווירקליכקייט דאסזעלביגע וואס סערגיי איוואנאוויטש, אבער קענטיג געווען אז ער האט איהם געהאסט מיט זיין גאנצער פארטיי, און דער דאזיגער געפיהל פון האסס האט זיך איבערגעגעבען דער גאנצער פארטיי און האט ארויסגערופען נאך א שטארקערע ערביטערונג אין דער געגנערישער פארטיי, אבוואהל דיא לעצטע האט זיך געהאלטען אנשטענדיגער. עס האט זיך אויפגעהויבען א טומעל און געשריי און אויף א מינוט האט זיך אלעס אזוי צומישט, אז דער פארזיצענדער איז געווען געצוואונגען בעמיען אום ארדנונג.

— באללאטירען! באללאטירען! ווער עס איז אן אדעליגער, יענער פארשטעהט — מיר פארגיכען אונזער בלוט... דאס פערטרויען פון דעם מאנארך... קיין חשבון'ען זיך מיט אן אדעליגען פיהרער, ער איז ניט קיין קלערק אין א גע־

שעפּט... אום וואָס האַנדעלט זיך! פוי! ערלויבט נור צו וועהלען! — האָבען זיך געהערט ערביטערטע געשרייען. לעווין האָט ניט פערשטאַנען, צו וואָס זיינען דיא דאָזיגע קולות און ער האָט זיך געוואונדערט וואָס פאר א ליידענשאַפטען עס קאָנען אויפגעוועקט ווערען ווען עס האַנדעלט זיך בלויז אום אַ פראַגע, אויב מען זאָל אבשטימען דיא געגענגעזעצטע מיינונגען וועגען פלעכאווען. ער האָט פאַרגעסען, וויא סערגיי איוואַנאָוויטש האָט איהם דערנאָך ערקלעהרט, יענעם סיללאָגיזם, אַז פון טובת הכלל וועגען איז געווען נויטיג אַראָבצואוואַרפען דעם אַלטען אַנפיהרער; אום איהם אַראָבצוואוואַרפען איז נויטיג אַ מעהרצאָהל פון שטימען; אום צו האָבען אַ מעהרצאָהל פון שטימען איז נויטיג אַז פלעכאוו זאָל ניט פערלירען זיין שטים־רעכט; אום פלעכאוו זאָל ניט פערלירען זיין שטימע, איז נויטיג צו פאַרשטעהן דעם פונקט פון געזעץ וועגען דעם.

— און איין שטימע קאָן דאָ אַלזאָ ענטשיידען דיא גאַנצע אַנגעלעגענהייט, און דארום איז נויטיג ערענסט און לאָגיש צו בעטראַכטען דיא זאַך, אויב דוא ווילסט דינען דער אַלגעמיינער אַנגעלעגענהייט — האָט געשלאָסען זיין ערקלעהרונג סערגיי איוואַנאָוויטש.

אָבער לעווין האָט דאָס פערגעסען און איהם האָט פערדראָסען צו זעהען דיא אַלע רעספּעקטפולע און גוטע מענשען וויא זיי זיינען אַזוי בייז, ערביטערט און אויפגערעגט. אום צו בעפרייען זיך פון דעם שווערען געפיהל, איז ער אַוועק פון זאַל, וואו דיא דעבאַטען זיינען געווען און איז אריין אין זאַל פון בופעט, וואו עס זיינען געווען בלויז לאָקייען. דערזעהענדיג וויא דיא לאַקייען פּאַדען ארום בופעט, ווישען דיא געפעס, צושטעלען טעלער און גלעזלעך און וויא זיי טהוען דאָס מיט אַזעלכע רוהיגע געזיכטער, האָט לעווין דערפיהלט גלייך וויא איהם איז לייכטער געוואָרען, וויא ער וואָלט ארויס פון אַ שטיקענדען צימער אויף דיא פרישע לופט. ער האָט אָנגעהויבען ארומגעהען הין און צוריק און האָט מיט פערגעניעגען געקוקט אויף דיא לאַקייען. איהם איז געפעלען געוואָרען וויא אַן אַלטער לאַקיי מיט גרויע באַקענבארדען האָט געקוקט מיט פעראַכטונג אויף דיא יונגע לאַקייען, האָט פון זיי געמאַכט חוזק און האָט זיי געלערנט וויא צוזייפצולעגען סאַלפעטקעס. לעווין האָט זיך ערשט צוגעקליבען אָנצוהויבען אַ געשפּרעך מיט דעם אַלטען לאַקיי, וויא דער סעקרעטער איז אריינגעקומען — אַן אַלטינקער, וועלכער האָט געהאַט דיא ספּעציאַליטעט צו קענען אַלע פּריצים פון דער גובערניע מיט זייערע נעמען און זייערע פאָטערס נעמען, און האָט איהם אָבגעצויגען.

— זייט אַזוי גוט, קאָנסטאַנטין דמיטריטש — האָט ער איהם געזאָגט — אייך זוכט אייער ברודער. מען שטימט איצט אָב דיא מיינונגען.

לעווין איז אריין אין זאַאַל, האָט בעקומען אַ ווייסינקען קייקעל און איז צוגעגאַנגען צום טיש גלייך נאָך'ן ברודער, לעבען טיש איז געשטאַנען סוויאזשסקי מיט אַ בעדייטענדען און איראָנישען פּנים, האַלטענדיג דעם באָרד אין פויסט און שמעקענדיג איהם. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַריינגעלייגט זיין האַנד אין קעסטעל, האָט אוועקגעלייגט זיין גאַלקע, און דורכלאָזענדיג לעווינען, איז ער דאָ טאַקע געבליבען שטעהן. לעווין איז צוגעגאַנגען, נור פאַרגעסענדיג אין גאַנצען

אום וואָס עס האַנדעלט זיך און אַ צומישטער, איז ער צוגעטראָטען צו סערגיי איוואַנאָוויטשען מיט אַ פראַגע: „וואָהין לייגען?״ ער האָט דאָס געפרעגט שטיל אין דער צייט ווען מען האָט נאָהענט גערעדט. אָבער די רײדענדע האָבען דערהערט די אונפּאַסיגע פראַגע. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך אָנגעבלאָזען בייז.

— דאָס איז אַ פראַגע פון יעדענס איבערצייגונג — האָט ער געזאָגט שטריינג.

מאַנכע האָבען אַ שמייכעל געטהאָן. לעווין איז רויט געוואָרען, האָט שנעל אַרונטערגערוקט די האַנד אונטער'ן געוואַנט און האָט אַוועקגעלייגט רעכטס, וואָרום ער האָט געהאַלטען זיין גאַלקע אין דער רעכטער האַנד. ווען ער האָט שוין אַוועקגעלייגט האָט ער זיך דערמאָהנט אַז ער האָט געדאַרפט אונטעררוקען אונטערן געוואַנד אויך די לינקע האַנד, און ער האָט דאָס איצט געטהאָן, ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט, ער האָט זיך איבער דעם נאָך מעהר צומישט און האָט זיך שנעל אָבגעטראָגען אין די הינטערשטע רייהען.

— הונדערט זעקס און צוואַנציג אויסערוועהלענדע! אכט און נײנציג דאַגעגען! — האָט דורכגעקלונגען דעם סעקרעטערס שטימע. דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער: אַ קנעפּעל און צוויי ניס האָט מען געפינען אין באַלאַטקעסטעל. די נייע פּאַרטיי האָט געזיעגט, מען האָט דעם אדעליגען צוגעלאָזען צו שטימען.

אָבער די אַלטע פּאַרטיי האָט ניט גערעכענט זיך פאַר בעזיעגט. לעווין האָט דערהערט, אַז מען בעט סנעטקאָוון, ער זאָל זיך לאָזען ווידער וועהלען און ער האָט דערזעהען, אַז די מאַסע אדעליגע האָבען אַרומגערינגעלט דעם גובערנסקען אנפיהרער, וועלכער האָט עפּעס געזאָגט. לעווין איז צוגעגאַנגען נעהענטער. ענטפערענדיג די אַדעליגע, האָט סנעטקאָוו גערעדט וועגען דעם פערטרויען פון די אַדעליגע, וועגען דער ליעבע צו איהם, וואָס ער איז ניט ווערטה, וואָרום זיין גאַנצע פערדיענסט בעשטעהט אין זיין איבערגעבענהייט צום אַדעלשטאַנד, וועמען ער האָט געווידמעט צוועלף יאָהר פון זיין לעבען. עטליכע מאָהל האָט ער ווידערהאָלט די ווערטער: „געדינט לויט מיינע קרעפטען, טריי און איבערגעבען, איך שעץ דאָס און בין דאַנקבאַר“, און פּלוצלונג האָט ער זיך אָבגעשטעלט. טרעהרען האָבען איהם געשטיקט און ער איז ארויסגעגאַנגען פון זאַל.

צו זיינען די טרעהרען געווען איבער דעם וואָס מען איז צו איהם אונגערעכט, צו אויס ליעבע צום אדעלשטאַנד אָדער פון דער אָנגעשטריינגטער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך איינגעפונען זייענדיג אַרומגערינגעלט פון שונאים, נור זיין אויפרעגונג האָט זיך איבערגעגעבען אויך צו אַנדערע, די מעהרצאָהל פון די פּריצים איז געווען געריהרט און לעווין האָט דערפיהלט אַ צערטליכקייט צו סנעטקאָוון.

אין טהיר האָט זיך סנעטקאָוו אָנגעשטויסען אויף לעווינען.

— ענטשולדיגט געפעליגסט — האָט ער געזאָגט וויא צו אַן אונבעקאַנטען; אָבער דערקענענדיג לעווינען, האָט ער אַ שמייכעל געטאָהן. לעווינען האָט זיך געוויזען, אַז ער האָט וואָס געוועלט זאָגען, האָט אָבער ניט געקענט, זייענדיג צופיעל צונומען. דער אויסדרוק פון זיין פּנים און פון זיין גאַנצער פיגור אין מונדיר, מע־

דאליען, און ווייסע הויזען מיט גאלונעס, וויא ער איז מיט אימפּעט געגאנגען, האט לעווינען דערמאנט אויף א געיאגטער חיה, וועלכע זעהט אז עס האלט שמאהל. דאס האט בעזאנדערנס געריהרט לעווינען, ווייל ערשט נעכטען איז ער געווען ביי איהם צו הויז וועגען דיא אנגעלעגענהייטען פון זיין שוועסטערס אפּקונסטווע און ער האט איהם געזעהען אין דער גאנצער גרויסקייט פון א גוטען פאמיליען־מאן. לעווין האט געפיהלט איצט מיט דעם דאזיגען אלטען מאן און איהם האט זיך געוואלט זאגען איהם א פּאאר ווערטער.

— הייסט דאס, אז איהר זייט ווידער אונזער אנפיהרער — האט ער געזאגט.

— איך דיינק קוים — האט דער אלטער געענטפערט און האט זיך וויא צושראקען ארומגעקוקט — איך בין שוין מיעד און אלט. עס זיינען פאראן יונגערע און מעהר ווערטהע פון מיר. זאלען זיי דינען אמאל.

און ער איז פערשוואונדען אין א זייט־טהיר.

עס איז אנגעקומען דער פייערליכסטער מאמענט. מען האט גלייך געדארפט צוטרעטען צום שטימען. דיא פיהרער פון דער און יענער פארטיי האבען אויסגערעכענט דיא שווארצע און ווייסע גאלקעס. דיא נייע פארטיי האט ניט נור געוואונען פלעכאווס שטימע, נור האט אויך געוואונען דערווייל צייט און עס זיינען צוגעקומען דריי פריצים, וועלכע עס האבען פריהער פערלארען דאס שטימרעכט איבער דיא האנדלונגען פון דער אלטער פארטיי. צוויי פון זיי האבען ליעב געהאט דעם בימערען טראפּען און סוויאזשסקים אנהיינגער האבען זיי אנגעטרונקען, און דעם דריטען האט געפעהלט דער מונדיר. דיא נייע פארטיי האט זיי איצט געבראכט.

— איינעם געבראכט, אבגעגאסען מיט וואסער — האט דערצעהלט איין גוט־בעזיצער סוויאזשסקין — נישטקשה, ער וועט טויגען.

— איז ער ניט צופיעל בעזויפען? וועט ער ניט אנידערפאלען? — האט סוויאזשסקי א שאקעל געטאהן מיט'ן קאפּ.

— ניין, ער איז שוין גאר א פיינער יונג. נור מען זאל איהם דא ווידער ניט אנטרינקען.... איך וועל זאגען דעם בופעטשיק, אז ער זאל אונטער קיינע אומשטענדען ניט געבען איהם קיין שנאפּס.

## 29.

דער ענגער זאַל, אין וועלכען מען האָט גערויכערט און צוגעביסען, איז געווען פול מיט פריצים. דיא אויפרעגונג האָט געשטיגען אַלץ מעהר. בעזונדער האָבען זיך געקאָכט דיא פיהרער פון ביידע פאַרטייען. דיא איבעריגע זיינען געווען וויא פּראָסטע סאָלדאַטען פאַר א שלאַכט. איינע האָבען דערווייל צוגעביסען שטעהענדיג אָדער זעצענדיג זיך צום טיש; אַנדערע זיינען ארומגעגאַנגען, האָבען גערויכערט און האָבען געשמועסט מיט אַלטע בעקאַנטע.

לעווינען האָט זיך עסען ניט געוועלט, גערויכערט האָט ער ניט; טרעפען זיך מיט דיא אייגענע, מיט סערגיי איוואַנאָוויטש, מיט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש און מיט סוויאַזשסקין, האָט ער איצט ניט געוועלט, ווארום צוזאַמען מיט זיי איז געשטאַנען וורוֹנסקי אין א מונדיר פון א שטאַלמייסטער און זיי האָבען לעבהאַפט געשמועסט. נאָך נעכטען האָט איהם לעווין בעגעגענט און האָט אבזיכטליך אויסגעמיידט צו טרעפען זיך מיט איהם. ער איז צוגעגאַנגען צו א פענסטער און האָט זיך געזעצט. איהם איז געווען אומעטיג בעזאָנדערס נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט געזעהען וויא אַלע זיינען עפּעס בעזונדער לעבהאַפט, בעזאָרגט, בעשעפטיגט, פאַראינטערעסירט, און בלויז ער אַליין מיט א גאַנץ אַלטינקען מאַן אין א פלאָטען־מונדיר, וועלכער האָט זיך צוגעזעצט נאָהענט לעבען איהם, זיינען ניט געווען פעראינטערעסירט און האָבען ניט געהאַט וואָס צו טאָהן.

א גאַנצע מאַסע פריצים, וואָס האָבען ארומגערינגעלט א דיקען גענעראַל, איז שנעל צוגעגאַנגען נאָהענט צו לעווינען. דיא פריצים האָבען קענטיג געזוכט א רוהיגערען פלאַץ, וואו זיי זאָלען זיך קאָנען דורכריידען, אז מען זאָל זיי ניט אונטערהערען.

— וויא וואָגט ער צו זאָגען, אז איך האָב געהייסען, מען זאָל ביי איהם צו'גנב'ענען דיא הויזען! ער האָט זיי מסתמא פאַר'שיכור'ט, גלויב איך. איך שפּיי אויף איהם מיט זיין טיטול פון א פירסט. ער האָט קיין רעכט ניט אַזוינס צו זאָגען. דאָס איז א שווינערייי!

— אָבער ערלויבט דאָך! זיי שטיצען זיך אויף דעם פּונקט פון געזעץ — האָט מען גע'טענה'ט אין אַן אַנדער גרופּע — און דאָס געזעץ זאָגט, אז דיא פרוי דאַרף זיין פערשריבען אַלס אַן אַדעליגע.

— צום טייפעל דאַרף איך דעם פּונקט פון געזעץ! איך רייד פון הארצען. דערגייף זיינען מיר אַדעליגע. פערטרויען דאַרף מען.

— עקסעלענץ, קומט, א גלעזעל שאַמפּאַניער.

אַן אַנדער רעדעל האָט זיך געשטויסען ארום א הויך שרייענדען פריץ; דאָס איז געווען איינער פון דיא דריי שיכורים.

— איך האָב שטענדיג אַן עצה געגעבען מאַריע פעטראָוונען, אז זיא זאָל

# אננא קארענינא

אָבגעבען אין ארענדע — האָט מיט אַן אנגענעהמער שטימע געזאָגט א פּריץ מיט גרויע וואנצעס אין א מונדיר פון א פּאָלקאָווניק פון גענעראל שטאב.

לעווין האָט גלייך דערקענט, אז דאָס איז יענער אַלטער גוט־בעזיצער וועל־כען ער האָט בעגעגענט ביי סוויאזשסקין אין הויז. דער גוט־בעזיצער האָט זיך אויך צוגעקוקט צו לעווינען.

— זעהר אנגענעהם, איך געדיינק אייך גאנץ גוט. לעצטען יאָהר, ביי ניקאָלאי איוואנאָוויטש בעגעגענט זיך.

— נו, וויא געהט אייער ווירטהשאפט? — האָט א פרעג געטאָהן לעווין.

— מען לייגט נאָך אַלץ צו — האָט ער געזאָגט מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל — און וויא זייט איהר אריינגעפאַלען אין אונזער גובערניע? געקומען בעטהייליגען זיך אין דעם קו־ד׳עטא? — האָט ער געזאָגט, הארט ארויסריידענדיג דיא פראנצויזישע ווערטער.

— גאַנץ רוסלאַנד איז זיך צונויפגעפאָהרען: קאַמערהעררען און כמעט אפילו מיניסטאָרען — האָט ער ווייטער געזאָגט און האָט אָנגעוויזען אויף דער רעספּעקטאַבעלער פיגור פון סטעפּאַן ארקאדיעוויטש, וועלכער איז ארומגעגאנגען מיט׳ן גענעראַל.

— איך מוז געשטעהן פאר אייך, אז איך פערשטעה זעהר ווייניג דיא אדעליגע וואהלען — האָט געזאָגט לעווין.

דער גוט־בעזיצער האָט איהם אָנגעקוקט.

— און וואָס איז דאָ צו פאַרשטעהן? עס איז דעריין קיין בעדייטונג ניטאָ. אַן איינגעפאַלענע אינסטיטוציאָן, וועלכע זעצט פאָר איהר בעוועגונג דורך דער קראַפט פון אינערציע. גיט א קוק אויף דיא מונדירען, און זיי וועלען אייך זאָגען: דאָס איז א פערזאַמלונג פון פריעדענס־ריכטער פון אונבעדינגטע מיטגליעדער, אָבער ניט פון פריצים.

— פאַר וואָס־זשע זייט איהר געפאָהרען אהער? — האָט לעווין געפרעגט.

— בלויז אוים געוועהנהייט. דאָס איז איינס. דאַן, מוז מען דאָך אויפהאַלטען בעקאנטשאפט, פערבינדונגען. אייניגערמאסען א מאָראַלישע פפליכט. און דערצו, דעם אמת זאָגענדיג, איז פאראַן דערביי אויך א פערזענליכער אינטערעס. מיין איידים וויל זיך לאָזען וועהלען אלס א מיטגליעד; קיין רייכער מאַן איז ער ניט, דארף מען זעהען ער זאָל וויא ניט איז דורכגעהן. צו וואָס דיא דאָזיגע הערען קומען אהער צופאָהרען, ווייס איך ניט? — האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם גיפטיגען הערען, וואָס איז געזעכען ביים טיש.

— דאָס איז א נייער דור פון אדעליגע.

— א נייער דור איז ער פיעלייכט, אָבער ניט פון אדעליגע. דאָס זיינען לאַנד־איינענטהימער און מיר זיינען פריצים. אלס פריצים באגעהן זיי זעלבסט־מאָרד.

— איהר זאָגט דאָך אָבער אליין, אז דאָס איז שוין אַן אָבגעלעבטע אינסטיטוציאָן?

— אַן אָבגעלעבטע איז זיא פיעלייכט, אָבער פון דעסטוועגען האָבען זיי זיך געמעגט האַלטען מיט אביסעל מעהר רעספּעקט. נעהמט זאָגאר סנעטקאָווען...

צו זיינען מיר נים, צו נים, אָבער טייזענד יאָהר זיינען מיר געוואַקסען. ווייסט איהר, אַמאָל אַז אונז קומט איים צו מאַכען אַ גערטענדעל לעבען הויז, פּלאַנע־וועט מען און מען פּלאַנצעוועט. און דאָ וואַקסט אין מיטען, אויף דעם פּלאַץ אַ הונ־דערט־יעהריגער בוים... זאָל זיין ער איז אַ צוזונצעלטער, אַ פערקרימטער און אַן אַלטער. אָבער פון רעכטוועגען האָט איהם נים אַראָב דעם אַלטינקען צוליעב דיא בלומען־בעעטען, וועלכע איהר ווילט פּלאַנצען, נור פּלאַנעוועט אַזוי אויס, אַז ער זאָל אייך ברייננגען נוצען אין אַ יער גערטענדעל. אַזאַ וועט איהר אין איין יאָהר נים אויסראָדעווען — האָט ער געזאָגט פאַרזיכטיג און האָט גלייך אַ קירעווע געטהאָן דעם געשפרעך — נו, און וויא געדט דאָס אין אייער ווירטה־שאַפט?

— נים בעזאָנדערס, טראָגט אַ פינף פּראָצענט.

— יאַ, איהר רעכענט דאָך אָבער זיך אַליין נים. איהר אַליין זיים דאָך אויך עפּעס ווערטה? איך וויל זאָגען וועגען זיך אַליין. וויא לאַנג איך האָב זיך נים באַשעפטיגט מיט מיין מאַיאָנטעק, האָב איך אויף מיין אַמט בעקומען דריי טויזענד געהאַלט יעהרליך. איצט אַרבייט איך מעהר אַלס אויף מיין אַמט און בעקומען בעקום איך אויך אַזוי וויא איהר בלויז פינף פּראָצענט, און נאָך דאַנקען גאָט דערפאַר. און דיא אייגענע אַרבייט איז אומזיסט.

— צו וואָס זשע טהוט איהר דאָס, ווען עס איז דעריין בלויז אָנוועהר?

— אָט אַזוי, עס טהוט זיך! וואָס קאָנט איהר מאַכען? עס איז אַזאַ גע־וועהנהייט שוין און דו ווייסט איין זאַך, אַז מען דאַרף אַזוי טאָהן. איך וועל אייך מעהר זאָגען — האָט פאָרטגעזעצט דער גוטבעזיצער אָנלעהנענדיג זיך מיט'ן עלענבויגען אויפ'ן פענסטער: מיין זוהן האָט להלוטין קיין חשק נים צו דער לאַנד־ווירטהשאַפט. אַפנים ער וועט זיין אַ געלעהרטער. אַזוי אַז עס וועט גאָר נים זיין ווער עס זאָל פאָרטזעצען, און פון רעכטוועגען טהוכט דוא. איך האָב ערשט היינט אַ פרוכט־גאַרטען פערפלאַנצט.

— יאַ, יאַ — האָט געזאָגט לעווין — דאָס איז זעהר ריכטיג. איך פיהל אָפט, אַז עס איז קיין רעכענונג ניטאָ אין מיין ווירטהשאַפט, און פון רעכטוועגען טהוסט דוא... פיהלסט עפּעס אַ מין חיוב צו דער ערד.

— אָט וועל איך אייך דערצעהלען — האָט פאָרטגעזעצט דער גוטבעזיצער — צו מיר איז אַריין אַ שכן אַ סוחר. זיינען מיר זיך דורכגעגאַנגען מיין מאַיאָנ־טעק, דורכגעשפּאַצירט זיך אין גאַרטען. „ניין, זאָגט ער מיר, סטעפּאַן וואַסיליע־וויטש, אַלץ איז ביי אייך אין אָרדנונג, נור נים דער גאָרטען“, און ביי מיר איז דער גאַרטען גראַד זעהר אין אָרדנונג. ער זאָגט מיר אָבער: „נאָך מיין שכל וואָלט איך דיא ליפּאָווע בוימער אויסהאַקען. דאָ זיינען דאָך דאָ טויזענד ליפּאָווע בוימער, פון יעדען ליפּאָוועו בוים קאָן מען צוויי לובען מאַכען, און איצט איז דאָס אַ סחורה מיט אַ פּרייז, וואָלט איך זיי אָנהאַקען אַזעלכע ליפּאָווע בוימדעלעך.“

— און פאַר דעם געלד וואָלט ער אָנגעקויפט בהמות אָדער וואָלט אָבגע־קויפט ערד פאַר אַ שפּאָט פּרייז און וואָלט דאָס פאַרדינגען דיא פּויערים פאַר גוט געלד — האָט מיט אַ שמייכעל געענדיגט לעווין, וועלכער האָט אַפנים שוין נים איין מאָהל אָנגעשטויסען זיך אויף אַזעלכע חשבונות — און ער וואָלט זיך אויף אַזאַ

אופן ערוואָרבען אַ פּאַרמעגען. און איהר און איך, הלואי זאָל גאָט נור העלפען דאָס אייגענע וויא ניט איז איינהאַלטען און פאַר דיא קינדער איבערלאָזען.

— איהר זייט פּערהייראַטה שוין, האָב איך געהערט? — האָט געפרעגט דער גוט־בעזיצער.

— יא, — האָט לעווין געענטפערט מיט שטאָלצער הנאה — יא, דאָס איז עפּעס זאָנדערבאַר, אַזוי לעבען מיר אָהן אַ רעכענונג, עפּעס אַזוי וויא מיר וואָלטען אוועקגעשטעלט געוואָרען וויא דיא אַמאָליגע וועסטאַלקעס, צו היטען אַ פייער עפּעס אַזעלכען.

דער גוט־בעזיצער האָט אַ לאַך געטאָהן אונטער זיינע ווייסע וואָנצעס.

— פאַראַן צווישען אונזערע אויך, אָט נעהמען מיר, צ. ב. ש. אונזער פריינד ניקאָלאַי איוואַניטש אָדער גראַף וורעאָנסקי, וועלכער האָט זיך איצט בעזעצט אויפ'ן לאַנד; ווילען זיי פיהרען דוקא לאַנדווירטהשאַפטליכען מסחר; אָבער ביז אַהער האָט עס מעהר וויא פערלוסט ניט געבראַכט.

— פאַר וואָס זאָלען מיר אָבער ניט טאָהן, וויא דיא סוחרים טהיען? פאַר וואָס זאָלען מיר אַ גאַרטען ניט אויסהאַקען, ווען מען בעצאָהלט גוט פאַר דיא ליפּאָווע בוימער? — האָט געזאָגט לעווין.

— נו, בלייבט טאַקע וויא איהר זאָגט, דערפאַר וויל מען דאַרף דעם פייער אָבהיטען. און מסחר איז ניט קיין בעשעפטיגונג פאַר פּריצים. און דאָ איז אויך ניט קיין פּריצישע בעשעפטיגונג ביי דיא וואַהלען; אונזער ארבייט איז דאָרט, אין אונזער אייגען ווינקעלע. עס איז פאַראַן אויך אַזאַ שטאַנדס־אינסטינקט, וואָס מען דאַרף טאָהן און וואָס מען דאַרף ניט טאָהן. נעהמען מיר דיא פּויערים, אויך אַזוי; איך גיב אויף זיי אַמאָל אַ קוק: איז ער אַ גוטער פּויער כאַפּט ער ערד דינגען וויפיעל ער קאָן. ער אַקערט, זאָל זיין אפילו שלעכטע ערד. אויך אָהן אַ רעכענונג. ער לייגט פּשוט צו.

— אַזוי זיינען מיר אויך — האָט געזאָגט לעווין — מיר איז זעהר, זעהר אַנגענעהם ווידער צו בעגעגענען זיך מיט אייך — האָט ער געענדיגט זעהענדיג וויא עס געהט צו איהם צו סוויאזשסקי.

— מיר האָבען זיך דאָס בעגעגענט צום ערשטען מאָל, זינט מיר האָבען זיך געטראָפען ביי אייך אין הויז, האָבען מיר זיך צורעדט.

— וואָס־זשע, האָט גוט אויסגעזידעלט דיא נייע אָרדנונגען? — האָט אַ שמייכעל געטאָהן סוויאזשסקי.

— אָהן דעם געהט דאָס ניט.

— לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרצען.

## 30.

סוויאַזשסקי האָט גענומען לעווינען געאַרעמט און איז מיט איהם אוועק צו זייערע אייגענע. איצט איז שוין לעווינען ניט אַנגענעהם געווען אויסצומיידען וראנסקין, וועלכער איז געשטאַנען מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש און מיט סערגיי איוואַנאָוויטש און האָט געקוקט גלייך אויף דעם אונטערקומענדען לעווין.

— בין זעהר גערן. איך האָב, דוכט זיך, געהאַט דעם פערגעניגען אייך צו בעגעגענען ביי פירסטין שטשערבאַצקי — האָט ער געזאָגט דערלאַנגענדיג לעווינען די האַנד.

— יאַ, איך געדיינק זעהר גוט אונזער בעגעגעניש — האָט געזאָגט לעווין און איז זעהר רויט געוואָרען, האָט זיך גלייך אָבגעקעהרט און האָט אָנגעהויבען ריידען מיט׳ן ברודער.

וראָנסקי האָט לייכט אַ שמייכעל געטאָהן און האָט פאָרטגעזעצט אַ געשפּרעך מיט סוויאַזשסקין, ניט האָבענדיג קיין לוסט קענטיג צו אַריינגעהן מיט לעווינען אין אַ וועלכען ניט איז געשפּרעך. אָבער לעווין האָט, ריידענדיג מיט׳ן ברודער, יעדע ווייליע זיך אומגעקוקט, זוכענדיג שוין איצט אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט וראָנסקין אום צו פערגלעטען זיין גראָבקייט.

— אום וואָס האַנדעלט זיך עס אָבער איצט? — האָט אַ פרעג געטאָהן לעווין, אומקוקענדיג זיך צו סוויאַזשסקין און וראָנסקין.

— איצט הענגט אָב דיא זאַך פון סנעטקאָווען. עס איז נויטיג, אַז ער זאָל זיך ענטוועדער צוריקציהען אָדער זאָל איינווילינגען—האָט געענטפערט סוויאַזשסקי.

— נו, האָט ער איינגעווילינגט אָדער ניט?

— דאָס איז עס דאָך, אַז ניט אַהין, ניט אַהער — האָט געזאָגט וראָנסקי.

— און אויב ער וועט זיך צוריקציהען, ווע מען וועט מען וועהלען? — האָט אַ פרעג געטאָהן לעווין, קוקענדיג אויף וראָנסקין.

— זאָל זיך לאָזען וועהלען ווער עס וויל — האָט געזאָגט סוויאַזשסקי.

— איז ווער־זשע אָבער? נעוועדאָווסקי? — האָט געזאָגט לעווין פיהלענדיג אַז ער האָט זיך פערפּלאָנטערט.

אָבער דאָס איז געווען ניט בלויז פערפּלאָנטערט, דאָס איז געווען אַ סך ערגער, ווארום סוויאַזשסקי און נעוועדאָווסקי זיינען געוועןביידע קאַנדידאַטען.

— יעדענפאַלס ניט איך — האָט געענטפערט דער גיפטיגער הערר.

און דאָס איז געווען טאַקע נעוועדאָווסקי אַליין. סוויאַזשסקי האָט בעקאַנט לעווינען מיט איהם.

— וואָס, דיך האָט דאָס אויך אַ נעהם געטאָהן ביים לעבער? — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, צואווינקענדיג וראנסקין — דאָס איז דאָך גאָר אַזוי וויא פערד־רייסעס. מען קאָן זיך וועטען.

— יא, דאָס פּראינטערעסירט שטאַרק — האָט געזאָגט ווראָנסקי — און אַז מען לאָזט זיך שוין איין מאָל אריין, ווילט זיך אויספיהרען. א קאַמפּף!

— סוויאזשסקי איז טיכטיג, וויא קלאָהר אַלעס איז ביי איהם.

— א, יא, — האָט א צוטראָגענער געזאָגט ווראָנסקי.

עס איז אָנגעקומען א מאָמענט פון שווייגען. אזוי וויא מען דארף דאָך אויף וואָס קוקען, האָט ווראָנסקי א קוק געטהאָן אויף לעווינען, אויף זיינע פיס, אויף זיין מונדיר, דערנאָך אויף זיין פּנים, בעמערקענדיג טרויעריגע אויגען, וועלכע האָבען אויף איהם געקוקט, און אום עפּעס צו זאָגען, האָט ער זיך אָבגערופען:

— און וויא קומט דאָס, אַז איהר א שטענדיגער איינוואָהנער צו לאַנד, טראָגט ניט קיין מונדיר פון קיין פריעדענס־ריכטער און זייט ניט קיין פריעדענס־ריכטער?

— דערפאַר ווייל איך רעכען, אז דאָס פריעדענס־געריכט איז זעהר א דומע איינריכטונג — האָט געענטפערט לעווין.

— איך רעכען דאָס ניט אזוי, גראָדע פאַרקעהרט — האָט מיט רוהיגער פערוואונדערונג געזאָגט ווראָנסקי.

— דאָס איז א שפּיעלכעל — האָט איהם איבערגעשלאָגען לעווין — מיר דאַרפען ניט קיין פריעדענס־ריכטער. אין צייט פון אכט יאָהר, האָב איך ניט געהאַט קיין איין אַנגעלעגענהייט צו משפּט'ן. און ווען עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַזעלכעס איז דער משפּט געווען א פאַרקעהרטער. דער פריעדענס־ריכטער געפינט זיך פאַר פערציג וויאָרסט פון מיר. וועגען א סכסוך, וואָס איז ווערטה צוויי רובעל, דאַרף איך שיקען אַן אדוואָקאַט, וועלכער קאָסט מיך פופצעהן רובעל.

און ער האָט דערצעהלט וויא א פּויער האָט גע'גנב'ט ביי א מיהלנער מעהל, און ווען דער מיהלנער האָט דאָס איהם געזאָגט, האָט דער פּויער איהם אָנגעקלאָגט פאַר פערלוימדונג. אָבער וואָס לעווין האָט דערצעהלט האָט זיך ניט געפּאַסט אַלס קיין מישל צים געשפּרעך און ער אַליין האָט דאָס דערפיהלט, ווען ער האָט גערעדט.

— א, ער איז אַזא זאָנדערבאַרער! — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש מיט זיין זיסען שמייכעל — אָבער קומט: דאַכט זיך, אַז מען שטימט שוין...

און זיי זיינען זיך צוגאַנגען.

— איך פאַרשטעה ניט — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, באַמערקענדיג דיא אונפּאַסיגע האַלטונג פון זיין ברודער — איך פאַרשטעה ניט וויא אזוי מען קאָן זיין אַזוי, ניט האָבען קיין פּאָליטישען טאַקט. דאָס איז וואָס אונז, רוססען, פעהלט. דער גובערנסקער אנפיהרער — איז אונזערער א שונא, ווערסט דוא מיט איהם א גאַנצער פריינד און בעטכט איהם, ער זאָל זיך לאָזען ווידער וועהלען. און גראַף ווראָנסקי — אמת, איך וועל ניט פאָהרען צו איהם אויף זיין איינלאַדונג צו מיטאג — אָבער ער איז דאָך אונזערער, צו וואָס־זשע מאַכען איהם פאַר א פיינד? היינט פרעגסט דוא נעוועדאַווסקין, צו וועט ער זיך לאָזען וועהלען. דאָס טהוט זיך ניט אַזוי.

— איך, איך פאַרשטעה דאָ איבערהויפּט גאָרנישט! און דאָס אַלעס איז נאַרישקייט — האָט טרויעריג געענטפערט לעווין.

— נו, אַט זאָגסט דוא, אז דאָס איז אַלעס א נאַרישקייט, און ווען עס קומט אויס צו טאָהן עפּעס, צופלאַנטערסט דוא אַלעס.

לעווין האָט ניט געענטפערט און זיי זיינען ביידע אריין אין גרויסען זאַל.

דער גובערנסקער אנפיהרער האָט ענדליך דאָך באַשלאָסען צו לאָזען זיך וועהלען. אַלעס אין זאַל איז אנשוויגען געוואָרען און דער כעקרעטער האָט הויך ערקלעהרט, אז עס שטעהט אויף דער וואהל אלס גובערנסקער אנפיהרער דער גווארדיע־ראטמיסטער מיכאאיל סטעפּאַנאָוויטש סנעטקאָוו.

דיא אויעזדנע אנפיהרער זיינען צוגעקומען מיט טעלערלעך, אויף וועלכע עס זיינען געווען גאַלקעס, און דיא וואהל האָט זיך אָנגעהויבען.

— רעכטס לייג — האָט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש א מורמעל געטהאָן לע־ווינען. אָבער לעווין האָט איצט פאַרגעסען יענעם חשבון, וועלכען מען האָט איהם ערקלעהרט און ער האָט מורא געהאַט, צו מאַכט סטעפּאַן ארקאדיעוויטש קיין טעות ניט, זאָגענדיג: „רעכטס.“ סנעטקאָוו איז דאָך געווען א געגנער. צוגעהענדיג צום קעסטעל, האָט ער געהאַלטען דיא גאַלקע אין דער רעכטער האנד, אָבער דיינ־קענדיג, אז ער מאַכט א טעות, האָט ער שוין גאַנץ נאָהענט ביים קעסטעל איבער־געלייגט אין דער לינקער. דער וואָס איז געשטאַנען ביים קעסטעל, האָט שוין גוט געוואוסט זיין זאַך און ער האָט פון דער איין בעוועגונג פון עלענבויגען דער־קענט וואוהין ער האָט געלייגט זיין גאַלקע, און ער האָט זיך אונצופריעדען א קרים געטאָהן.

אַלעס איז ווידער שטיל געוואָרען און עס האָט זיך געלאָזט הערען, וויא מען צעהלט דיא גאַלקעס. דערנאָך האָט איין שטימע אויסגעשריען דיא צאָהל פון אויסוועהלענדע און פון געגנערישע גאַלקעס. דער אנפיהרער איז אויסערוועהלט געוואָרען מיט דער מעהרצאָהל שטימען. אַלעס האָט אָנגעהויבען קאָכען און אַלע האָבען זיך שנעל א וואָרף געטהאָן צו דער טהיר. סנעטקאָוו איז אריינגעקומען און דער אדעלשטאַנד האָט איהם ארומגערינגעלט, גראַטולירט.

— נו, איצט איז געענדיגט? — האָט לעווין א פרעג געטהאָן ביי סערגיי איוואנאָוויטש.

— ניין, עס הויבט זיך ערשט אָן — האָט סוויאזשסקי געענטפערט מיט א שמייכעל אַנשטאַט סערגיי איוואנאָוויטשען — דער נייער קאַנדידאַט קאָן בעקומען מעהר שטימען.

וועגען דעם האָט לעווין ווידער פערגעסען. ער האָט זיך איצט ערשט דער־מאָנט, אז דעריין איז געלעגען א שפּיצעל, אָבער איהם איז געווען צו לאַנגוויליג צי טראַכטען נאָך אַמאָל, אין וואָס דאָס שפּיצעל באַשטעהט. עס איז איהם געוואָ־רען איבערדריסיג און איהם האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער ארויסקלייבען זיך פון דער מאַסע מענשען. ער איז ארויס אין קליינעם זאַל און האָט זיך ווידער דערפיהלט פרייער. אַן אַלטער לאַקיי האָט איהם פאָרגעשלאָגען צובייסען, און לעווין האָט איינגעוויליגט. נאָך דעם וויא ער האָט צוגעביסען א קאָטלעטעל מיט בעבלעך, איז ער אוועק דורכגעהן זיך אין דיא גאַלערעען.

דיא גאַלערעען זיינען געווען פול מיט פּערפּוצטע דאַמען, וועלכע האָבען זיך איבערגעבויגען איבער דיא פּאַרענצעס און האָבען געזוכט ניט צו פּאַרלירען

קיין וואָרט פון אַלעס, וואָס איז גערעדט געוואָרען אונטען. לעבען דיא דאַמען זיינען געשטאַנען און געזעסען עלעגאַנטע אדוואָקאַטען, לעהרער פון גימנאַזיע אין ברילען און אָפיציערען. איין דאַמע האָט געזאָגט צום אַדוואָקאַט:

— וויא מ'איך פרעהט, וואָס איך האָב געהערט קאָזנישאָווס רעדע! עס איז ווערטה צו הונגערען צוליעב דעם. א פראַכט! וויא קלאָהר און מען האָט אַלעס געקענט הערען! ביי אייך אין געריכט רעדט קיינער ניט אזוי, בלויז מאַידעל איז דער איינציגער, אָבער ביי איהם איז אזא בלומען־שפּראַך.

לעווין האָט אָבגעזוכט א פרייען פּלאַץ לעבען פּאַרענצע, ער האָט זיך אָנגעבויגט און האָט זיך אויך צוגעקוקט און צוגעהערט, וואָס אונטען קומט פאָר.

אַלע פּריצים זיינען געזעסען איינגעטהיילט לויט זייערע אויעזדען. אין מיטען זאַל איז געשטאַנען א מאַן אין א מונדיר און האָט מיט א הויכע שטימע אויסגערופען:

— אויף דער וואהל אַלס קאַנדידאַט שטעהט דער שטאַב־ראָטמיסטר יעווגעניע איוואַנאָוויטש לאַפּוכטין!

דערויף האָט געענטפערט א שוואַכע שטימע פון אַן אַלטינקען:

— האָט זיך ענטזאגט!

— אויף דער וואהל איז אַלס קאַנדידאַט דער הויפראַטה פּיאָטר פּעטראָוויטש באָיל!

— האָט זיך ענטזאגט!

אזוי איז עס געגאַנגען ווייטער און ווייטער און האָט זיך געצויגען אַ גאַנצע שטונדע. לעווין האָט זיך אָנפאַנגס געוואונדערט און האָט געוועלט פאַרשטעהן וואָס דאָס אַלעס בעדייטעט; דערערזועהענדיג אָבער, אז עס איז פאַר איהם אונמעגליך צו פאַרשטעהן, וואָס דאָ קומט פאָר, און איהם איז דאָ אויך געוואָרען לאַנגווייליג. ער האָט באַשלאָסען גאָר אוועקצופאָהרען אהיים און איז אראָב אונטען אין זאַאַל. דורכגעהענדיג דורך דעם פאָדער־צימער, וואָס פיהרט צו דער גאַלערעע, האָט ער באַגעגענט א גימנאַזיכט, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק מיט אונטערגעלאָפענע אויגען. אויף דיא טרעפּ האָט ער בעגעגענט א פּאָארעל: דיא דאַמע איז שנעל געלאָפען אויף איהרע קנאַפּעלעך, און מיט איהר א פלינקער אסיסטענט־פּראָקוראָר.

— איך האָב אייך געזאָגט, אז איהר וועט ניט פערשפּעטיגען — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט אין דער צייט, וואָס לעווין האָט זיך אָבגערוקט אָן א זייט דורכצולאָזען דיא דאַמע.

לעווין איז שוין געווען אויף דיא טרעפּ ארויסצוגעהן און האָט שוין געהאַלטען אין ארויסנעהמען פון קעשענע דעם נומערעל פון זיין פוטער, ווען דער סעקרעטער האָט איהם אָנגעכאַפּט.

— זייט אזוי גוט, קאָנסטאַנטין דמיטריעוויטש, מען באַלאָטירט.

אַלס קאַנדידאַט איז איצט געשטאַנען אויף דער וואהל נעוועדאָווסקי, וועלכער האָט זיך פריהער אזוי ענטשיעדען ענטזאגט.

לעווין איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר פון זאַל: זיא איז געווען געשלאָסען.

דער סעקרעטער האָט אָנגעקלאַפּט; דיא טיהר האָט זיך געעפענט און לעווינען אנטקעגען זיינען ארויסגעקומען צוויי צוהיצטע גוטבעזיצער.

— איך האָב שוין קיין כח ניט — האָט גענזאָגט איינער פון דיא צוקאָכטע פריצים.

גלייך נאָך דעם דאָזיגען גוטבעזיצער האָט זיך ארויסגערוקט פון טיהר דאָס געזיכט פון דעם גובערנסקען אָנפיהרער. דער פנים איז געווען שרעקליך אויסגעמאַטערט און צושראָקען.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט—ניט ארויסצולאָזען! — האָט ער א געשריי געטהאָן צום טיהר־וועכטער.

— איך האָב ארייננעלאָזען, עקסעלענץ!

— מיין גאָט! — און שווער אָבזיפצענדיג זיך איז דער גובערנסקער אָנפיהרער אין זיינע ווייכע הויזען אוועק צום מיטען זאַל צום גרויסען טיש. נעווערדאָמסקי האָט געהאַט דיא גרעסטע צאָהל שטימען, און זויא עס איז געווען אויסגערעכענט, איז ער געוואָרען דער אָנפיהרער פון אדעלשטאַנד. פיעלע זיינען דערפון געווען צופריעדען און ענטציקט; פיעלע האָבען זיך געפיהלט אונצופריעדען און ענטוישט. ווען נעווערדאָמסקי איז ארויס פון זאַל, איז דיא מאַסע נאָך איהם נאָכגעגאַנגען, וויא זיא איז פריהער נאָכגעגאַנגען סנעטקאָווען, ווען ער איז געווען ערוועהלט.

31.

דער נייער אָנפיהרער און פיעל פון דער טריאומפירענדער פּאַרטיי האָבען יענעם טאָג געהאַט א מאָהלצייט ביי וורָאָנסקין.

וורָאָנסקי איז געקומען צופאָהרען צו דיא וואַהלען דערפאַר, ווייל איהם איז געווען לאַנגווייליג צי לאַנד און ער האָט געדאַרפט פאַר אננאַ ערקלעהרען זיין רעכט אויף פרייהייט, און מעהר פון אלעם אום צו ערפיעלען אלע זיינע פפליכטען אלס אדעליגער און גוטבעזיצער. ער האָט אָבער ניט ערוואַרט, אז ער וועט זיך אזוי פאַראינטערעסירען מיט דיא וואַהלען. אין דעם קרייז פון דיא פריצים איז ער געווען אין גאַנצען א נייער מענש. ער האָט אָבער קענטיג געהאַט ערפאָלג און האָט זיך שוין ערוואָרבען אן איינפלוס צווישען דיא גוטבעזיצער. דעריין האָט איהם געהאָלפען זיין רייכקייט און זיין בעריהמטהייט; זיין אַלטער בעקאַנטער, שירקאָוו, וועלכער האָט געגרינדעט א באַנק אין קאַשין און האָט פינאַנציעל געבליהט, האָט איהם אָבגעלאָזען זיינע פּרעכטיגע צימערען אין שטאָדט; דאָס און דער טהייערער קוכער, וועלכען ווראָנסקי האָט געבראַכט מיט זיך פון דאָרף; היינט זיין פריינדשאַפט מיט'ן גובערנאַטאָר; און מעהר פון אלעם, זיינע איינפאַכע בענעהמונגען צו אלעמען גלייך, וועלכע האָט געענדערט אין דיא גוטבעזיצער דיא מיינונג, וועלכע עס איז געגאַנגען וועגען איהם, אז ער איז צו גדלות'דיג ביי זיך.

# אננא קארענינא

ער האָט קלאָהר געזעהן, אז זיין ווירקונג האָט פיעל מיטגעהאָלפען נעוועדאָמסקי זאָל ערוועהלט ווערען. און איצט זיצענדיג ביי זיין טיש, פייערענדיג נעוועדאָמסקיס ערוועהלונג, האָט ער זיך געפיהלט געשמייכעלט און איהם איז אנגענעהם געוועזן, וואָס נעוועדאָמסקי איז ערוועהלט געוואָרען. דיא וואהלען האָבען אזוי ווייט איהם פאראינטערעסירט, אז ער האָט ביי זיך בעשלאָסען, דאָס אין עטליכע יאָהר ארום, ווען ער וועט זיין פערהייראַט, וועט ער אליין שטעלען זיך אלס קאנדידאַט ערוועהלט צו ווערען, פונקט אזוי וויא נאָך דעם וויא ער האָט געוואונען דעם פרייז אין דיא רייסעס צו פערדאַנקען זיין זשאָקעי, האָט זיך איהם פערוואָלט אליין צו רייטען דעם צווייטען מאָהל.

דער איצטיגער יום טוב איז דאָס געווען דיא געווינס פון'ם זשאָקעי. ווראָנסקי איז געזעסען ביים טיש אויבען־אָן; צו רעכטס איז געזעסען דער יונגער גובערנאַטאָר, א גענעראַל פון דער סוויטע. פאַר אַלעמען איז דער גובערנאַטאָר געווען דער בעל הבית פון דער גובערניע, דער, וועלכער האָט געעפענט דיא וואהלען מיט א רעדע, וואָס האָט ערוועקט צו איהם רעספעקט און שקלאַפּישע אונטערטהעניגקייט. אָבער פאַר ווראָנסקין, וועלכער איז געווען זיין אמאָליגער חבר, איז ער געווען פשוט קאַטיקאַ מאַסלאָוו — אזוי האָט מען איהם גערופען אין פאַזשען־קאָרפּוס. צו לינקס פון ווראָנסקין איז געזעסען נעוועדאָמסקי מיט זיין יוגענדליכען און גיפטיגען פנים. מיט איהם האָט ווראָנסקי זיך פערהאַלטען איינפאַך און רעספעקטפול.

סוויאַזשסקי האָט זיין דורכפאַל אריבערגעטראָגען מונטער. ער האָט ערקלעהרט, אז ער רעכענט דאָס גאָר ניט פאַר א דורכפאַל, ווייל ער אליין פרעהט זיך, וואָס נעוועדאָמסקי איז ערוועהלט געוואָרען. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז אויך געווען שטאַרק געהויבען, וואָס ער האָט פערבראַכט גוט דיא צייט. און אָהן אויפהער, אין דער גאַנצער צייט פון דעם באַנקעט האָבען זיך אלע געווענדעט צו נעוועדאָמסקי מיט דיא ווערטער: „אונזער גובערנסקער אָנפיהרער" און „עקסעלענץ." דאָס האָט זיך געטהאָן מיט דערזעלבער הנאה, וויא מען רופט אָן א יונגע פרוי „מאַדאַם" מיט'ן מאַנ'ס נאָמען. נעוועדאָמסקי האָט זיך געהאַלטען אזוי וויא כלומרשט ער וואָלט האַסען אזא כבוד, אָבער עס איז קענטיג געווען, אז ער איז גליקליך און האַלט זיך בלויז איין ניט ארויסצואווייזען זיין ענטציקונג.

אין דער צייט פון באַנקעט זיינען געווען צושיקט טעלעגראַמען צו מענשען, וועלכע האָבען זיך אינטערעסירט מיט דעם אויסגאַנג פון דיא וואהלען. און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, ווען עס איז געווען זעהר פרעהליך, האָט געשיקט א טעלעגראַמע צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט אזא אינהאַלט: „נעוועדאָמסקי ערוועהלט מיט צוואַנציג מעהרצאָהל. גראַטולירע. גיב איבער." ער האָט דיקטירט דיא טעלעגראַמע אין דער הויך, מען זאָל הערען, צולייגענדיג דערביי: „מען דאַרף זיי דערפרעהען." ווען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונא האָט ערהאַלטען די טעלעגראַמע, האָט זיא בלויז א זיפץ געטהאָן אויף דעם רובעל, וואָס ער האָט פאַרשוועדעט אויף א טעלעגראַמע און האָט פערשטאַנען, אז דאָס האָט געמוזט געשעהען נאָך א גוטען מאָהלצייט.

# אַננאַ קאַרענינאַ

אַלעס איז צוגעגאַנגען גלענצענד ביים באַנקעט. מען האָט געטרונקען טאָסטען, דעריין אויך האַלב־קאָמישע, מען האָט געטרונקען פֿאַר דעם ערוועהלטען, פֿאַר דעם גובערנאַטאָר, פֿאַר דעם דירעקטאָר פֿון באַנק און „פֿאַר אונזער ליעבען בעל הבית.“ ווראָנסקי איז געווען צופֿריעדען. ער האָט גאָר ניט ערוואַרטעט אַזאַ ליעבליכען טאָן אין דער פּראָווינץ. צו ענדע פֿון באַנקעט איז געוואָרען נאָך פֿרעהליכער. דער גובערנאַטאָר האָט איינגעלאַדען ווראָנסקין צו פֿאָהרען מיט איהם אויף דעם וואָהלטהעטיגען קאָנצערט, וועלכען זיין פֿרוי האָט פֿעראַנשטאַלטעט און וועלכע ווינשט מיט איהם בעקאַנט צו ווערען.

— דאָרט וועט זיין אַ באַל און דואַ וועסט דערזעהן דאָרט אונזער שעהנהייט. ווירקליך, עפּעס וואונדערליכעס.

— נאָט אין מאַי לאַין — האָט געענטפֿערט ווראָנסקי, וועלכער האָט געליעבט דעם דאָזיגען אויסדרוק; ער האָט אָבער אַ שמייכעל געטהאָן און האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען.

שוין פֿאַר׳ן אויפֿהויבען זיך פֿון טיש, ווען אַלע האָבען זיך גענומען רויכערען, איז ווראָנסקים קאַמערדיענער צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם דערלאַנגט אַ בריעף אויף אַ טעצעל.

— פֿון וואָזדוויזשענסקי מיט אַן עסטאַפֿעט — האָט ער געזאָגט מיט אַ בעדייטענדען אויסדרוק.

— וואונדערבאַר וויאַ עהנליך ער איז אויף פּראָקוראָר סוועטיצקי — האָט איינער פֿון דיאַ געסט געזאָגט אויף פֿראַנצויזיש, אָנצייגענדיג אויף דעם קאַמערדיענער, אין דער צייט ווען ווראָנסקי האָט געלעזען דעם בריעף אַביסעל בייזלאַך.

דער בריעף איז געווען פֿון אַננאַ. נאָך איידער ער האָט איבערגעלעזען דעם בריעף, האָט ער שוין געוואוסט זיין אינהאַלט. רעכענענדיג פֿריהער, אַז דיאַ וואַהלען וועלען דויערן פֿינף טעג, האָט ער געווען פֿערשפּראָכען, אַז ער וועט פֿרייטאַג שוין זיין צוריק. איצט איז שוין געווען שבת, אין ער האָט געוואוסט, אַז אין בריעף זיינען פֿאָרווירפֿע, פֿאַרוואָס ער האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט נאָך. זיין בריעף, וועלכען ער האָט נעכטען אָבענד געשיקט, איז נאָך וואַהרשיינליך ניט אָנגעקומען איהר.

דער אינהאַלט איז טאַקע געווען אַזאַ וויאַ ער האָט ערוואַרטעט, אָבער דיאַ פֿאָרם איז געווען אַן אונערוואַרטעטע און איז פֿאַר איהם אונאַנגענעהם געווען. „אַני איז זעהר קראַנק, דער דאָקטאָר זאָגט, אַז עס קאָן זיין אַן ענטצינדונג. איך האָב אַליין דעם קאָפּ פֿערלאָרען. פּירסטין וואַרוואַראַ איז ניט קיין הילף, נור אַ שטערונג. איך האָב דיך ערוואַרטעט נאָך פֿאָרגעסטערן, געסטערן און איצט שיק איך צו ערקונדיגען זיך, וואו דואַ ביסט און וואָס מיט דיר איז. איך האָב געוואָלט אַליין פֿאָהרען, איך האָב זיך אָבער בעדיינקט, וויסענדיג אַז דיר וועט דאָס זיין אונאַנגענעהם. גיב אַן עצה, איך זאָל וויסען וואָס איך האָב צו טהאָן.“

דאָס קינד איז קראַנק און פֿון דעסטוועגען האָט זיאַ אַליין געוואָלט פֿאָהרען. דיאַ טאָכטער איז קראַנק און אַזאַ פֿיינדליכער טאָן. אָבער מען מוז פֿאָהרען און ער איז מיט דעם ערשטען צוג ביינאַכט אָבגעפֿאָהרען אַהיים.

## 32.

פאר ווראָנסקיס אָבפאָהרען צו דיא וואהלען, האָט אננא זיך געווען ענטשלאָסען צו מאכען איבער זיך אלע מעגליכע אָנשטריינגונגען, רוהיג אריבערצוטראָגען דיא שיידונג מיט איהם. אָבער דער שטארקער, פעסטער בליק, מיט וועלכען ער האָט א קוק געטהאָן אויף איהר, ווען ער איז געקומען ערקלעהרען וועגען זיין פאָהרען, האָט איהר בעליידיגט, און ער האָט נאָך ניט צייט געהאט אוועקצופאָהרען, וויא זיא איז שוין געוואָרען אונרוהיג.

אין איהר איינזאמקייט, איז זיא געקומען, וויא אימער, צו איין שלום — צום בעוואוסטזיין פון איהר ערנידערונג. „ער האָט דאָס רעכט צו פאָהרען ווען און וואוהין ער וויל. ניט נור אוועקפאָהרען, נור מיך פערלאָזען. ער האָט אלע רעכטע און איך האָב קיינע. אָבער וויסענדיג, אז דאָס איז אזוי, האָט ער דאָס ניט געדארפט טהאָן. און ער האָט וואָס געטהאָן? . . . ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אזא קאלטקייט און מיט אזא שטריינגקייט. דער דאָזיגער בליק בעווייזט, אז עס הויבט זיך אָן אן אָבקיהלונג.“

און אָבוואָהל זיא האָט זיך איבערצייגט, אז א קאלטקייט הויבט זיך אָן פון זיין זייט, פון דעסטוועגען האָט זיא קיין זאך ניט געקאָנט טהאָן; זיא האָט ניט געקאָנט ענדערען איהרע בעציהונגען צו איהם. פונקט אזוי וויא פריהער, אזוי קאָן זיא אויך איצט בלויז מיט איין זאך אָנהאלטען איהם, — מיט איהר ליעבע און אָנציהונג, און אויך אזוי וויא פריהער, האָט זיא בלויז מיט באשעפטיגונגען בייטאָג און מיט מאָרפין בייננאכט פערטריבען איהרע שרעקליכע געדאנקען וועגען דעם, וואָס עס וועט זיין, ווען ער וועט זיא אויפהערען צו ליעבען. אמת, עס איז געווען נאָך א מיטעל: ניט איינצוהאלטען איהם, נור זיין נעהנטער צו איהם, זיין אין אזא לאגע, אז ער זאָל זיא ניט אוועקווארפען. אזא מיטעל איז געווען א גט מיט קארענינען און חתונה האָבען מיט איהם. און זיא האָט אָנגעהויבען ווינשען, אז דאָס זאָל געשעהן, און זיא וועט שוין איינשטימען אזוי גיך וויא ער אָדער כטיווע וועט מיט איהר מאכען א גשעפרעך וועגען דעם.

אין אזעלכע געדאנקען האָט זיא פערבראכט אָהן איהם פינף טעג, יענע פינף טעג, וועלכע ער האָט געדארפט אבוועזענד זיין, וויא זיא האָט זיך גערעכנט. איהר צייט איז אויסגעפיעלט געוואָרען מיט געהן שפאצירען, שמועסען מיט פירסטין ווארווארא, בעזוכען דעם האָספיטאל, און הויפּטזעכליך לעזען, לעזען איין בוך נאָך׳ן צווייטען.

אָבער אויף דעם זעקסטען טאָג, ווען דער קוטשער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון סטאנציע אָהן איהם, האָט זיא דערפיהלט, אז זיא איז שוין ניט אימשטאנד צו פערטרייבען מעהר איהרע געדאנקען וועגען איהם און וועגען דעם, וויא ער פערברייגט דאָרט זיין צייט. אין דער צייט גראד איז איהר טאָכטער קראנק געוואָרען. אננא האָט זיך גענומען ארומגעהן ארום דער קראנקער, אָבער דאָס האָט

ניט פערטויבט איהר צייט און דערצו איז דיא קראנקהייט ניט געוועזן אזא גע־פעהרליכע. וויא זיא האט זיך ניט געוואלט צווינגען, האט זיא אבער דאס מיי־דעלע ניט געקאנט ליעבען. אין אבענד, ווען זיא איז געבליעבען אליין, האט אננא דערפיהלט אזא שרעק, וואס ער איז נאך ניטא, אז זיא האט שוין געוואלט פאהרען אין שטאדט, זיא האט אבער איבערגעדיינקט, און האט בעשלאסען ניט צו פאה־רען, און זיא האט אנגעשריעבען דעם בריעף, אין וועלכען עס זיינען געווען אזוי פיעל ווידערשפרעכונגען.

אויף מארגען האט זיא ערהאלטען זיין בריעף און זיא האט שוין שטארק חרטה בעקומען, וואס זיא האט איהר בריעף געשיקט. איצט האט זיא שוין איינ־געזעהן, אז זיא איז איהם צו לאסט, אז איהם פערדריסט, וואס ער פערלירט זיין פרייהייט איבער איהר און וואס ער איז געצוואונגען צו קומען צוריק אהיים. און ניט קוקענדיג דערויף, האט איהר געפרעהט, וואס ער וועט קומען צופאהרען, ווען ער וועט ערהאלטען איהר בריעף. זאל ער דאס פיהלען אלס א לאסט, נור ער זאל זיין מיט איהר דא, זיא זאל איהם זעהן, זיא זאל וויסען זיין יעדע בעוועגונג.

איהר איז אבער פלוצלונג געווארען שענדליך פאר איהר אבנארען איהם. זיא האט זיך דערמאנט, אז דיא טאכטער איז שוין כמעט אין גאנצען געזונד. זיא האט זאגאר געהאט פערדרוס, פאר וואס שוין דער צווייטער טאג וויא זיא איז בעסער געווארען און וועט פאלשטענדיג געזונד זיין, ווען ער וועט קומען צו־פאהרען. ענדליך האט זיא דערהערט דאס ראלען פון רעדער, וויא זיי פאהרען צו צום גאניק. זיא האט דערהערט זיין שטימע. און פארגעסענדיג אלעס, איז זיא מיט פרייד געלאפען איהם אנטקעגען:

— נו, וואס איז מיט אני? — האט ער א פרעג געטהאן באזארט אונטען, קוקענדיג אויף אננאן, וועלכע איז צו איהם געלאפען אראב דיא טרעפ.

ער איז שוין געזעסען אונטען אויף א שטוהל און דער לאקיי האט אראב־געצויגען פון זיין פוס דעם ווארעמען שטיוועל.

— נישטקשה, איהר איז בעסער.

— און דוא? — האט ער א פרעג געטהאן, אבטרויסלענדיג זיך.

זיא האט מיט איהרע ביידע הענד א כאפ געטהאן זיין האנד און האט זיא א ציה געטהאן צו איהר טאליע, ניט אראבנעהמענדיג פון איהם דיא אויגען.

— נו, פרעהט עס מיך זעהר — האט ער געזאגט, קאלט אנקוקענדיג זיא, איהר פריזור פון דיא האאר, איהר קלייד, וועלכע ער האט געוואוסט, אז זיא האט אנגעטאהן פון זיינטוועגען. דאס אלעס איז איהם געפעלען געווען, שוין אזוי פיעל מאל געפעלען געווען! און יענער שטיין־שטרייננגער אויסדרוק, פאר וועל־כען זיא האט אזוי מורא געהאט, איז געבליבען שטעהן אויף זיין פנים.

— נו, פרעהט עס מיך זעהר. ביסט דו א געזונד? — האט ער גע־פרעגט אבווישענדיג מיט'ן טיכעל זיין נאסען בארד און קושענדיג איהר האנד.

„וויא עס זאל ניט זיין — האט זיא געטראכט — נאר ער זאל זיין דא, און אז ער איז דא, דאן קאן ער ניט, דאן וועט ער ניט וואגען ניט צו ליעבען מיך."

דער אבענד איז אריבער גליקליך און פרעהלאך אין דער אנוועזענהייט

פון פירסטין ווארוואַרא, וועלכע האָט זיך פאר איהם בעקלאָגט, אז אננא פלעגט איינגעהמען מאָרפין, ווען ער איז ניט געווען.
— וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טהאָן? איך האָב ניט געקאָנט שלאָפען... דיא געדאַנקען האָבען געשטערט. ווען ער איז דאָ, נעהם איך עס קיין מאָהל ניט איין. כמעט קיין מאָהל ניט.
ער האָט דערצעהלט וועגען דיא וואַהלען, און אננא האָט פערשטאַנען וועלכע פראַגען צו שטעלען איהם אום אַרויסצורופען אין איהם דאָס זעלביגע, וואָס עס האָט איהם אַזוי אינטערעסירט און אויפגעמונטערט איבער זיין ער־פאָלג. און זיא האָט איהם דערצעהלט אַלעס פון הויז, וואָס עס דאַרף איהם אינ־טערעסירען. און אַלע איהרע מעלדונגגען זיינען געווען מונטערע.
אָבער שפעט שוין אין אבענד, ווען זיי זיינען פערבליבען אַליין האָט אננא, זעהענדיג אַז זיא באַהערשט איהם שוין ווידער אין גאַנצען, געוואָלט שוין פערריכטען יענעם שווערען איינדרוק, וואָס אויף איהם האָט געמוזט מאַכען איהר בריעף. זיא האָט געזאָגט:
— און זאָג דעם אמת, דיך האָט פערדראָסען אויף מיר ווען דוא האָסט ערהאַלטען דעם בריעף און דו האָסט מיר ניט געגלויבט?
וויא נאָר זיא האָט דאָס געזאָגט, האָט זיא פערשטאַנען, אַז אין אַ וועל־כער ליעבעס־שטימונג ער זאָל איצט ניט זיין, אָבער דאָס קאָן ער איהר ניט פערצייהען.
— יאָ — האָט ער געענטפערט — דער בריעף איז געווען אַזאַ זאָנדער־באַרער: איין מאָהל שרייבסט דו, אַז אנני איז קראַנק, דערנאָך אַז דו האָסט אַליין געררעכענט צו פאָהרען.
— דאָס איז אַלעס געווען אמת.
— דעריין צווייפעל איך ניט.
— ניין, דו צווייפעלסט יאָ. דו ביסט אונצופריעדען.
— קיין איין מינוט ניט. אמת, איך בין בלויז אונצופריעדען דערפון, וואָס דוא ווילסט כלומרשט ניט צוגעבען, אַז עס זיינען פאַראַן פפליכטען...
— פפליכטען צו פאָהרען אויף אַ קאָנצערט...
— אָבער מיר וועלען בעסער ניט ריידען — האָט ער געזאָגט.
— פאַרוואָס־זשע ניט ריידען? — האָט זיא געפרעגט.
— איך וויל בלויז זאָגען, אַז עס קאָנען זיך מאַכען נויטיגע אַנגעלעגענהיי־טען. אָט וועל איך איצט דאַרפען פאָהרען קיין מאָסקווע וועגען דיא אַנגעלע־גענהייטען פון'ם הויז... אַך, אננא, פאַר וואָס ביסט דו אַזוי נערוועז? ווייסט דוא דען ניט אַז איך קאָן אָהן דיר ניט לעבען?
— נו, אויב דאָס איז אַזוי — האָט געזאָגט אננא מיט אַן איבערגעבי־טענע שטימע פלוצלונג — הייסט דאָס, אַז פאַר דיר איז אַזאַ לעבען אַ לאַסט.... יאָ, דו וועסט קומען צופאָהרען אויף אַ טאָג און וועסט אוועקפאָהרען, וויא עס באַגעהען זיך...
— אננא, דאָס איז דאָך האַרטהערציג. איך בין פערטיג מיין גאַנצען לעבען אָפּצוגעבען...

אָבער זיא האָט איהם ניט געהערט.

— אויב דו וועסט פאָהרען קיין מאָסקווע, וועל איך אויך פאָהרען. איך וועל דאָ ניט בלייבען. ענטוועדער מיר מוזען זיך צוגעהן, אָדער לעבען צוזאַמען.

— דו ווייסט דאָך אָבער, אז דאָס איז אַלעס וואָס איך פערלאַנג. אָבער אום דאָס אויסצופיהרען...

— דאַרף מען א גט? איך וועל איהם אָנשרייבען. איך זעה, אז איך קאָן אזוי ניט לעבען... אָבער איך וועל מיט דיר פאָהרען קיין מאָסקווא.

— עפּעס אזוי ווי דו וואָלסט מיך דערמיט וועלען סטראַשען. איך ווינש קיין זאַך ניט אזוי שטאַרק וויא צו זיין שטענדיג מיט דיר צוזאַמען, ניט שיידען זיך מיט דיר — האָט שמייכלענדיג געזאָגט וורָאָנסקי.

אָבער אין זיינע אויגען האָט ניט בלויז א קאַלטער בליק א גלאַנץ געטאָהן, נאָר אויך דער בליק פון א פערפאָלגטען מענשען.

זיא האָט געזעהען דעם דאָזיגען בליק און האָט ריכטיג געטראָפען זיין בעדייטונג. „אויב דאָס איז אזוי, דאַן איז עס אַן אונגליק!" האָט גערעדט זיין בליק. דאָס איז געווען בלויז א מאָמענטאַלער איינדרוק, אָבער זיא האָט איהם שוין קיין מאָהל ניט פערגעסען.

אננא האָט אָנגעשריבען דעם מאַן א בריעף, בעטענדיג פון איהם א גט און ענדע נאָוועמבער, איז זיא מיט וורָאָנסקין אוועקגעפאָהרען קיין מאָסקווע און האָבען געוואַרט אויף אַן ענטפער.

# אננא קארענינא

## זיבעטער טהייל.

### 1.

שוין דער דריטער מאָנאַט וויא דיא לעווינס וואָהנען אין מאָסקווע. עס איז שוין לאַנג אַריבערגעגאַנגען דער טערמין, ווען לויט דער ריכטיגסטער אויסרע־כענונג פון מענשען, וועלכע ווייסען דיא דאָזיגע עסקים, האָט קיטי שוין געדאַרפט געבוירען; און זיא האָט נאָך אַלץ געטראָגען, און עס איז גאָר ניט קענטיג געווען עפּעס אַז דיא צייט זאָל איצט זיין נעהענטער אַלס מיט צוויי מאָנאַט צוריק. אי דער דאָקטאָר, אי דיא אַקושערין, אי דאָללי, אי דיא מוטער, און בעזונדער נאָך לעווין, וועלכער האָט ניט געקאָנט אַ טראַכט טאָהן אָהן פחד וועגען דאָס וואָס עס בעפאָרשטעהט, האָבען אָנגעהויבען צו ווערען אונגעדולדיג; איין קיטי האָט נור געפיהלט זיך רוהיג און גליקליך.

זיא איז איצט קלאָהר געוועזען בעוואוסט, אַז אין איהר ווערט געבאָרען אַ נייער געפיהל פון ליעבע צו דעם צוקונפטיגען, וועלכער איז טהיילווייז פאַר איהר שוין געווען אַ געגענווערטיגעס קינד און זיא האָט מיט פערגעניגען צוגעהערט זיך צו דעם דאָזיגען געפיהל. ער איז איצט שוין ניט געווען שטענדיג אַ טהייל פון איהר, נור האָט שוין מאַנכעס מאָל געלעבט אויך אין אייגענעם לעבען, אונאָב־הענגיג פון איהר. איהר האָט דאָס אָפּט פעראורזאַכט שמערצען, אָבער אין דער־זעלבער צייט האָט זיך איהר געוואָלט לאַכען פון דער זאָנדערבאַרער נייער שמחה.

אַלע, וועמען זיא האָט געליעבט, זיינען געווען איצט לעבען איהר און אַלע זיינען געווען אַזוי גוט צו איהר, זיינען אַזוי אַרומגעגאַנגען אַרום איהר. איין זאַך וואָס איהר האָט נור באַנג געטהאָן איז וואָס דער מאַן איז ניט דערזעלביגער, וויא זיא האָט איהם געליעבט צו זעהען און וויא ער איז געווען זייענדיג צו לאַנד.

זיא האָט ליעב געהאַט זיין רוהיגען, מילדען און גאַסטפריינדליכען טאָן צו לאַנד. אין שטאָדט אָבער איז ער שטענדיג געווען אונרוהיג און שטענדיג אויף דער וואַך, אַזוי וויא ער וואָלט תמיד מורא האָבען, אַז אימיצער וועט איהם שעדי־גען און הויפּטזעכליך טאָמער וועט זיא עפּעס געשעדיגט ווערען. זיא האָט געזעהען אַז דאָ איז ער עפּעס ניט דער ווירקליכער, ניט דאָס וואָס ער איז. מאַנכעס מאָהל פלעגט זיא איהם מאַכען פאָרוויורפע ביי זיך אין הארצען פאַר וואָס ער קאָן זיך ניט איינלעבען אין שטאָדט, און מאַנכעס מאָהל פלעגט זיא, פאַרקעהרט, איינזעהען, אַז עס איז טאַקע גאָר ניט מעגליך איינצואָרדנען זיך אין שטאָדט אַזוי אַז מען זאָל קאָנען צופריעדען זיין.

און ווירקליך, וואָס האָט ער געזאָלט טהאָן דאָ אין שטאָדט? אין קאָרטען שפּיעלט ער ניט. אין קלוב פאָהרט ער ניט. מיט דיא פרעהליכע מאַנסלייט, אַזעלכע

זויא אבלאנסקי, ארומצופיהרען זיך, האט ער צו גוט געוואוסט וואס דאס הייסט... דאס האט געהייסען זויפען און דערנאך פאהרען וואוהין. און זיא האט אהן שרעק ניט געקאנט א טראכט טהאן, וואוהין מאנסלייט פאהרען אין אזעלכע פעלע. פאהרען אין געזעלשאפט? אבער זיא האט דאך געוואוסט, אז צוליעב דעם דארף מען האבען דעם פערגעניגען צו פערברייננגען מיט יונגע פרויען, און דאס האט זיא דאך ניט געקאנט ווינשען. זיצען אין הויז מיט איהר, מיט איהרע שוועסטער און מיט איהר מאמען? אבער וויא אנגענעהם און פרעהליך עס זאלען ניט זיין אזעלכע געשפרעכען, אבער דאס איז דאך אלץ א ווידערהאלונג פון איינס און דאסזעלביגע און איהם דארף דאס זיין לאנגווייליג. וואס־זשע בלייבט איהם צו טאהן? פארטזעצען שרייבען זיין ווערק? ער האט זיך געפרופט אויך דאס צו טאהן. אבער ער איז געקומען צום שלוס, אז וואס מעהר ער טהוט גאר נישט אלץ מעהר ארבייט בלייבט איהם, און וועגען זיין בוך האט ער דא צופיעל גערעדט און דיסקוטירט מיט מענשען, און דארום האט ער פערלארען שוין דעם הויפט אינטערעס אין איהם.

איין גוטע זאך איז בלויז געווען פאר זיי אין דעם שטאטישען לעבען; זיי האבען זיך דא קיין מאהל ניט געקריגט. צו דערפאר, וואס דיא אומשטענדע! אין שטאדט זיינען אנדערע, אדער פיעלייכט דערפאר וואס זיי האבען ביידע אנגעהויבען צו זיין פארזיכטיגער און פערנינפטיגער, אין מאסקווא האבען זיי זיך אבער אוים אייפערזוכט ניט געקריגט, אבוואהל זיי האבען אזוי מורא געהאט דערפאר, ווען זיי האבען זיך געדארפט אריבערקלייבען אין שטאדט.

און אין דער הינזיכט האט זאגאר פאסירט א זעהר וויכטיגע עראייגניס פאר זיי ביידען, און נעמליך קיטי'ס בעגעגנונג מיט ווראנסקי'ן.

דיא אלטינקע פירסטין, קיטי'ס טויף־מוטער, מאריא באריסאוונא, וועלכע האט קיטי'ן זעהר שטארק געליעבט, האט געוואונשען ניט אנדערש וויא זיא צו זעהען. קיטי, וועלכע איז ערגעץ ניט אויסגעפאהרען צו פערדאנקען איהרע אומשטענדען, איז אבער צו דער אלטער, עהרענהאפטער טויף־מוטער יא געפאהרען מיט א בעזוך. און דארט האט זיא זיך בעגעגענט מיט ווראנסקי'ן.

ביי דער דאזיגער בעגעגניש האט קיטי זיך געקאנט פארוואורף מאכען בלויז דעריין, וואס א בונטע רויטקייט איז ארויסגעטראטען אין איהר פנים ווען זיא האט אין דעם ציוויל געקליידטען דערקענט יענע ציעגע, וועלכע זיינען איהר אמאהל געווען אזוי בעקאנט, אבער דאס איז געווען בלויז אויף אייניגע סעקונדען. און איידער דער פאטער האט געענדיגט ריידען מיט ווראנסקי'ן, וויא זיא איז שוין געקומען פאלשטענדיג צו זיך, און האט געקאנט קוקען אויף ווראנסקין, ריידען מיט איהם אויב נויטיג, גאר אזוי וויא זיא וואלט דאס דארפען ריידען מיט דער אלטער פירסטין, מאריא באריסאוונא, און הויפטזעכליך איז איהר געלונגען אזוי צו האלטען זיך, אז דער מאן אליין זאל איינשטימען, אז אזוי האט זיא זיך געדארפט האלטען, אזוי וויא זיא וואלט פיהלען זיין אונגעזעהענע אנוועזענהייט.

זיא האט מיט ווראנסקין געשפראכען א פאר ווערטער, האט זאגאר רוהיג געשמייכעלט, ווען ער האט געמאכט בעמערקונגען וועגען דיא אדעליגע וואהלען.

# אננא קארעני נא

אָבער זיא האָט זיך באַלד אָבגעקעהרט צו דער פירסטין און האָט שוין מעהר אויף איהם ניט געקוקט ביז וואַנען ער האָט ניט גענומען אַבשיעד. זיא איז דאַנקבאַר געווען דעם פאטער, וואָס ער האָט איהר בעפאַר גאָרנישט געזאָגט וועגען דער בעגעגניש מיט ווראָנסקין. אָבער זיא האָט געזעהען פון זיין האַלטונג נאָך דעם וויא זיי האָבען פערלאָזען דיא פירסטינס הויז, אַז ער איז געווען זעהר צופריעדען פון איהר. זיא איז אַליין אויך געווען צופריעדען פון זיך.

לעווין איז אַ סך שטאַרקער פון איהר רויט געוואָרען, ווען זיא האָט איהם דערנאָך דערצעהלט וועגען דער דאָזיגער בעגעגניש.

— מיך פערדריכט זעהר וואָס דוא ביסט דערביי ניט געווען — האָט זיא געזאָגט — ניט דאָס וואָס דוא ביסט ניט געווען בשעת מעשה אין צימער; איך וואָלט זיכער ניט געקאָנט האַלטען זיך וויא עס דאַרף צו זיין, ווען דוא וואָלסט געווען דערביי. נור מיך פערדריסט, וואָס דוא האָסט ניט אַריינגעקוקט אין אַ שפּעלטעל.

איהרע וואַרהייטליכע אויגען האָבען געזאָגט לעווינען, אַז זיא איז געווען צופריעדען מיט זיך און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיא איז רויט געוואָרען ווען זיא האָט דאָס איהם דערצעהלט, האָט ער זיך פון דעסטוועגען גלייך בערוהיגט און האָט אָנגעהויבען זיא אויסצופרעגען, וואָס זיא האָט אייגענטליך געווינשט. ער איז מונטער געוואָרען און האָט געזאָגט אַז ער איז זעהר גערן און איצט וועט ער ש׳ין מעהר ניט זיין אַזוי נאַריש וויא ער איז געווען, און וויא ער וועט זיך נור בעגעגענען מיט ווראָנסקין ווידער וועט ער צו איהם זיין אַם פריינדליכסטען.

— עס איז אַזאַ אָבקומעניש צו דיינקען, אַז עס איז פאַראַן אַ מענש, כמעט אַ שונא, מיט וועלכען עס איז שווער צו בעגעגענען זיך — האָט געזאָגט לעווין — איך בין זעהר גערן.

## 2

— טאַ פאָהר דאָך אריין בעזוכען דיא באָיל׳ס — האָט איהם געזאָגט קיטי, ווען ער איז אַריין צו איהר אין צימער אום עלף אוהר איידער ער האָט פערלאָזען דאָס הויז — איך ווייס אַז מיטאָג וועסט דוא עסען אין קלוב, דער פּאַפּאַ האָט דיך ש׳ין פערשריבען. און וואָס וועסט דוא טאָהן דעם גאַנצען פאַר־מיטאָג ?

— איך וועל נור אַריינגעהן צו קאַטאַוואַסאָווען — האָט געענטפערט לעווין.

— פאַר וואָס עפּעס אַזוי פריה ?

—ער האָט מיר פערשפּראָכען בעקאַנט צו מאַכען מיך מיט מעטראַווען. איך האָב געוועלט מיט איהם אַ שמועס טאָהן וועגען מיין ווערק, ער איז דאָך אַ בעוואוסטער פּעטערסבורגער געלעהרטער — האָט געזאָגט לעווין.

— יאַ, דאָס האָסט דוא זיין אַרטיקעל אַזוי געלויבט? נו, און דערנאָך וואוהין ? — האָט געפרעגט קיטי.

— אין געריכט, קאָן זיין, וועל אַריינלויפען וועגען מיין שוועסטערס אנגעלעגענהייטען.

— און אויפן קאָנצערט ? — האָט זיא אַ פרעג געטהאָן.

— נו, וואָס וועל איך אַליין פאָהרען ?

— ניין, פאָהר; דאָרט פיהרט מען אויף איצט נייע זאכען... דאָס אינטערעסירט דאָך דיך. איך וואָלט זעהר געפאָהרען אויף דיין פּלאַץ.

— יעדענפאַלס, וועל איך פאַרמיטאָג צופאָהרען אַ היים געוואָהר ווערען — האָט ער געזאָגט קוקענדיג אויפן זייגער.

— טוה דאָך אָן דעם שוואַרצען ראָק, אַז דוא זאָלסט גלייך קאָנען אָבשטאַטען אַ בעזוך דער גרעפין באָיל.

— איז דאָס אונבעדינגט וויכטיג ?

— אַך, געוויס! ער איז געוועזען ביי אונז. נו, וואָס קאָסט עס דיך, ווען דוא וועסט צו זיי אַריינגעהן? וועסט זיך זעצען אַ ווייל͏ע, וועסט ריידען וועגען וועטער, וועסט אויפשטעהן און וועסט אַוועק.

— נו, דוא וועסט מיר דאָך ניט גלויבען, איך האָב זיך דערפון אַזוי אָבגעוועהנט, אַז איך שעהם זיך פשוט פאַר זיך אַליין. וויא זעהט דאָס אויס, ווירקליך ? קומט אַ פרעמדער מענש, זעצט זיך, זיצט אָהן אַ פאַרוואָס, שטערט זיי און ברייננ זיך קיין נוצען ניט, און וואָס דערפון.

קיטי האָט זיך צולאַכט.

— אָבער דוא פלעגסט דאָך אָבשטאַטען וויזיטען, ווען דוא ביסט נאָך געוועזען אַ בחור ? — האָט זיא געזאָגט.

— איך פלעג אָבשטאַטען, עס איז מיר אָבער אימער געוועזען עפּעס וויאָ דער געוויסען וואָלט מיך דערפאַר פּלאַגען, און ווער רעדט איצט, איך וואָלט ליעבערשט צוויי טעג קיין מיטאָג ניט געגעסען און פערשפּאָרען אַזאַ וויזיט. מיר איז דאָס אַזוי אונאַנגענעהם, אַז מיר דוכט זיך זיי דאַרפען זיך בעליידיגען: צו וואָס קומט אַ מענש סתם אין דער וועלט אַריין, ווען ער האָט ניט צוליעב וואָס?

— ניין, זיי וועלען זיך ניט בעליידיגען. פאַרקעהרט — און זיא האָט אָנגענומען זיין האַנד — נו, אַדיע, פאָהר דאָך.

ער האָט אַ קוש געטהאָן איהר האַנד און האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן, ווען זיא האָט איהם אָבגעשטעלט.

— קאָסטיא, ווייסט דוא, אַז ביי מיר בלייבען אין גאַנצען פונפציג רובעל?

— נו, וואָס קאָן מען מאַכען, איך וועל אַריינפאָהרען אין באַנק און נעהמען. וויפיעל ? — האָט ער געזאָגט מיט אַן אויסדרוק פון אונצופריעדענהייט, וואָס איהר איז געוועזען בעקאַנט אין איהם.

— ניין, וואַרט — זיא האָט איהם געהאַלטען פאַר׳ן האַנד — לאָמיר ריידען, מיך בעאונרוהיגט דאָס. איך צאָהל דוכט זיך ניט איבער פאַר קיין זאַך, און דאָס געלד צופליסט. עפּעס טוהען מיר ניט אַזוי.

— איך מיין ניט — האָט ער געזאָגט אָבהוסטענדיג זיך און קוקענדיג אויף איהר פון אונטערן שטערן.

זיא האָט געוואוסט זיין אָבהוסטען זיך. דאָס איז געווען א צייכען פון זיין שטאַרקער אונצופריעדענהייט, ניט פון איהר נור פון זיך אליין. ער איז ווירקליך געווען אונצופריעדען, אָבער ניט דערפון, וואָס צופיעל געלט ווערט פערשווענדעט, נור דערפון וואָס מען דערמאָנט איהם וועגען א זאך, וואָס ער וואָלט וועלען פאַרגעסען.

— איך האָב געהייסען סאקאָלאָווען פערקויפען דיא ווייץ און נעהמען פאָראויס פאר׳ן מיהל. יעדענפאלס וועט געלד שוין זיין.

— ניין, אָבער איך האָב מורא, אז אין אלגעמיין געהט אוועק צופיעל...

— עס הויבט זיך ניט אָן; עס הויבט זיך ניט אָן — האָט ער וויעדערהאָלט — נו, אדיע, מיין נשמה׳לע.

— ניין, ווירקליך, מיך פערדריסט מאַנכע מאָל, וואָס איך האָב געפאָלגט דיא מאַמען. וויא גוט וואָלט געווען צו לאַנד! און דאָ האָב איך דאָך אייך אלעמען פערמאַטערט, און געלד פערשווענדען מיר.

— עס הויבט זיך ניט אָן. עס האָט נאָך קיין מאָהל מיר ניט געטראָפען זינט איך האָב געהייראַט, אז איך זאָל וועלן ניט איז זאָגען, אז עס וואָלט געווען בעסער עס זאָל זיין אַנדערש וויא עס איז...

— אמת? — האָט זיא געזאָגט אריינקוקענדיג איהם אין דיא אויגען.

ער האָט דאָס געזאָגט ניט מחמת דעם וואָס ער האָט זיא געוואָלט טרויסטען. נור ווען ער האָט דערזעהען איהרע מילדע, וואַהרהייטליכע אויגען, האָט ער שוין ווידערהאָלט פון גאַנצען הארצען דאָסזעלביגע. און ער האָט זיך דערמאָנט וואָס זיי ערוואַרט אין גיכען.

— אין גיכען? וויא פיהלסט דוא? — האָט ער געמורמעלט אָננעהמענדיג איהרע ביידע הענד.

— איך האָב אזוי פיעל שוין געטראַכט וועגען דעם, אז איך האָב שוין איצט אין גאַנצען אויפגעהערט טראַכטען; איך טראַכט ניט און איך ווייס ניט.

— און דוא שרעקסט זיך ניט?

זיא האָט א לאַך געטאָהן.

— קיין טראָפען ניט — האָט זיא געזאָגט.

— איז אויב וואָס, וועל איך זיין ביי קאַטאַוואַסאָווען.

— ניין, עס וועט קיין זאך ניט זיין, טראַכט גאָר ניט. איך וועל פאָהרען מיט פּאַפּאַ אויפ׳ן בולוואַר שפּאַציערען. מיר וועלען פערפאָהרען צו דאָללי׳ן. פאַר מיטאָג ערוואַרט איך דיך. אך, יא! דוא ווייסט, דאָללים לאַגע ווערט דאָך אונערטרעגליך? זיא איז ארום און ארום אין שולדען, קיין געלד האָט זיא ניט. מיר האָבען נעכטען מיט מאַמאַ דורכגערעדט מיט אַרסעניען (אזוי האָט זיא גערופען איהר שוואָגער לוואָוו) און מיר האָבען בעשלאָסען דיך מיט איהם ארויפלאָזען אויף סטיוואַ׳ן. דאָס איז דאָך אַבסאָלוט אונמעגליך. מיט דעם פּאַפּאַ טאָר מען וועגען דעם ניט ריידען... אָבער אויב דוא און ער...

— נו, וואָס קאָנען מיר מיט איהם מאַכען? — האָט געזאָגט לעווין.

— אָבער דאָך, ווען דוא וועסט זיין ביין ארסעניען, רייד זיך מיט איהם דורך. ער וועט דיר שוין זאגען וואָס מיר האָבען בעשלאָסען.

— נו, מיט ארסעניען בין איך שוין פאָראויס אין אלעס איינשטימיג. גוט, איך וועל צו איהם פאָרפאָהרען. יא, אויב איך וועל שוין בעשליסען צו פאָהרען אויפ'ן קאָנצערט וועל איך טאקע פאָהרען מיט נאטאלי. נו, אדיע.

ווען קיטי האָט איהם דערמאָהנט וועגען געלד איז לעווינען געוועזן אונאנגענעהם, ווייל דאָס האָט איהם געמאכט דיינקען וועגען דעם, וואָס ביי איהם איז דאָס געלד אין באנק אויסגעגאנגען. אָבער דאָס איז נור געוועזן אויף א ווײלע. איצט פאָהרענדיג צו קאטאוואסאווען האָט ער שוין וועגען דעם אין גאנצען פארגעסען און האָט געטראכט בלויז וועגען זיין בעפאָרשטעהענדער בעקאנטשאפט מיט מעטראווען.

## 3.

אין דעם דאָזיגען מאָהל זיין אין מאָסקווא איז זיך לעווין ווידער צונויפגעקומען נעהנטער מיט זיין געוועזענעם חבר אין אוניווערזיטעט, פּראָפעסאָר קאטאוואסאוו, מיט וועלכען ער האָט זיך ניט געזעהען זינט ער האָט חתונה געהאט. קאטאוואסאוו איז איהם געוועזן ליעב מיט דער קלאָהרקייט און איינפאכקייט פון זיין וועלט-אנשויאונג. לעווין האָט געדיינקט, אז קאטאוואסאווס קלאָהרע וועלט-אנשויאונג קומט פון זיין בעגרענצטער נאטור; קאטאוואסאָוו האָט אָבער געדיינקט, אז לעווינס אונלאָגישקייט קומט דערפון, וואָס זיין מח איז ניט גענוג דיסציפּלינירט; אָבער לעווין איז געוועזן אנגענעהם קאטאוואסאוו קלאָהרקייט און קאטאוואסאווען לעווינס ניט דיסציפּלינירקייט. זיי האָבען דערפאר געליעבט צו בעגעגענען זיך און דיסקוטירען.

לעווין האָט געלעזען פאר קאטאוואסאווען אייניגע פלעצער פון זיינע שריפטען און זיי זיינען איהם געפעלען געוואָרען. און נעכטען, טרעפענדיג לעווינען אויף אן עפענטליכער לעקציע, האָט ער איהם געזאָגט, אז דער בעוואוסטער געלעהרטער מעטראוו, וועמעס אַרטיקעל עס איז לעווינען זעהר געפעלען געוואָרען, געפינט זיך איצט אין מאָסקווא און האָט זיך זעהר פאראינטערעסירט אין דאָס, וואָס קאטאוואסאוו האָט איהם איבערגעגעבען וועגען לעווינס ווערק; אז מעטראוו וועט ביי איהם מאָרגען זיין א זייגער עלף און וועט זעהר גערן זיין מיט איהם צו בעקאנען זיך.

— איהר בעסערט זיך ענטשיעדען, דאָס איז אנגענעהם צו זעהען — האָט קאטאוואסאוו בעגעגענט לעווינען ביי זיך אין דעם קליינעם גאסט-צימער — איך הער מען קלינגט און איך טראכט: עס קאָן ניט זיין, אז ער זאָל דאָס קומען אקוראט אין דער בעשטימטער צייט. נו, וויא זיינען דיא טשארנאָגארצעס? קעמפּפער פון געבורט.

— וואָס איז? — האָט א פרעג געטאָהן לעווין.

קאַטאַוואַסאָוו האָט איהם איבערגעגעבען דיא לעצטע מעלדונגען, און אריינגעהענדיג מיט איהם אין קאַבינעט, האָט ער איהם פאָרגעשטעלט פאר א ניט געוויקסיגען, פעסט־געבויטען מאַן פון זעהר אנגענעהמען אויסזעהען. דאָס איז געווען מעטראָוו. עס האָט זיך אָנגעהויבען א שמועס וועגען פּאָליטיק. מעטראָוו האָט דערצעהלט, אז ער האָט געהערט פון א זיכערע קוועלע, וואָס דער קיסר האָט געזאָגט איינעם פון דיא מיניסטאָרען. און קאַטאַוואַסאָוו האָט דערצעהלט וואָס ער האָט געהערט, אויך אויף זיכער, אז דער קיסר האָט גאָר גאַנץ אנדערש געזאָגט. לעווין האָט געזוכט צוצוטראַכטען עפּעס אזוינס, אז אי דאָס איינע, אי דאָס אַנדערע האָט אפשר דער קיסר געזאָגט, און דערמיט האָט זיך געענדיגט דער שמועס וועגען דעם געגענשטאַנד.

—יא, אָט ער האָט עס אָנגעשריבען כמעט א גאַנצען בוך וועגען דיא נאַטירליכע אומשטענדען פון דעם ארבייטער אין בעצוג צו דער לאַנדווירטהשאַפט — האָט געזאָגט קאַטאַוואַסאָוו — איך בין ניט קיין ספּעציאַליסט דעריין, נור מיר איז געפעלען געוואָרען, אלס א נאַטור־פאָרשער, וואָס ער בעטראַכט ניט דיא מענשהייט וויא עפּעס וואָס שטעהט אויסערהאַלב פון זאָאָלאָגישע געזעצע, נור פאַרקעהרט, ער זעהט זיין אָבהענגיגקייט פון דער סביבה און אין דער דאָזיגער אָבהענגיגקייט זוכט ער צו געפינען דיא געזעצע פון דער ענטוויקלונג.

— דאָס איז זעהר אינטערעסאַנט — האָט זיך אָבגערופען מעטראָוו.

— אָנגעהייבען שרייבען האָב איך אייגענטליך א בוך וועגען לאַנדווירטשאַפט, אָבער בעהאַנדלענדיג דעם הויפּט מיטעל פון לאַנדווירטהשאַפט, דעם ארבייטער — האָט געזאָגט לעווין רויט ווערענדיג — בין איך ניט ווילענדיג געקומען צו אויספיהרונגען גאַנץ אונערוואַרטעטע.

און לעווין האָט אָנגעהויבען פאָרזיכטיג צו ערקלעהרען זיין שטאַנדפּונקט. ער האָט געוואוסט, אז מעטראָוו האָט אָנגעשריבען אן אָבהאַנדלונג געגען דער אלגעמיין אָנגענומענער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער לעהרע; ער האָט אָבער ניט געוואוסט אויף וויא ווייט ער קאָן ערוואַרטען פון איהם סימפּאַטהיע מיט זיין נייעם בליק.

— אָבער אין וואָס געפינט איהר דיא בעזונדערע אייגענשאַפטען פון דעם רוסישען ארבייטער? — האָט געפרעגט מעטראָוו — אין זיינע זאָאָלאָגישע אייגענשאַפטען אָדער אין דיא אומשטענדען, אין וועלכע דער רוסישער ארבייטער געפינט זיך?

לעווין האָט געזעהען שוין פון דער דאָזיגער פראַגע עפּעס מיט וואָס ער איז ניט איינפערשטאַנען. אָבער ער האָט פאָרטגעזעצט ערקלעהרען זיין געדאַנק, אז דער רוסישער ארבייטער האָט גאָר א בעזונדער בליק אויף דער ערד. און אום צו בעווייזען זיין שטאַנדפּונקט, האָט ער זיך געאיילט צו צולייגען, אז לויט זיין מיינונג, פאָלגט ארויס דער דאָזיגער בליק פון דעם רוסישען פאָלק פון זיין בעוואוסטזיין, אז ער איז בערופען צו בעזעצען אונגעהייערע, ניט בעפעלקערטע שטרעקעס לאַנד אין מזרח.

— עס איז לייכט צו אריינפאַלען אין טעות'ן, ווען מען וויל ציהען שליסע וועגען דעם אלגעמיינעם בערוף פון א פאָלק — האָט געזאָגט מעטראָוו איבערשלאָ־

גענדיג לעווינען — דער צושטאנד פון דעם ארבייטער וועט אלע מאהל אבהייננען פון זיין בעציהונג צו דער ערד און צום קאפיטאל.

און ניט לאזענדיג שוין לעווינען דערזאגען זיין שטאנדפונקט האט מעטראוו אנגעהויבען צו ערקלעהרען זיין אייגענע לעהרע.

אין וואס עס איז בעשטאנען דיא בעזונדערקייט פון מעטראווס לעהרע, האט לעווין ניט פערשטאנען, דערפאר ווייל ער האט גאר ניט געזוכט צו פערשטעהן: ער האט געזעהען, אז מעטראוו, אויך אזוי ווי אנדערע, האט געקוקט אויף דער לאגע פון דעם רוסישען ארבייטער בלויז פון דעם שטאנדפונקט פון קאפיטאל, ארבייטס־לוין און רענט, ניט קוקענדיג אויף זיין ארטיקעל, אין וועלכען ער האט אבגעשטריטען דיא לעהרע פון דיא עקאנאמיסטען. אבוואהל ער אליין האט געמוזט צוגעבען, אז אין דעם מזרח־געגענד, וואס איז דער גרעסטער טהייל פון רוסלאנד איז רענט נאך גאר א נול, אז דער ארבייטס־לוין פון דער אכציג־מיליאניגער רוסישער בעפעלקערונג בעשטעהט בלויז דעריין, וואס זיי האבען חיונה פאר זיך אליין, און אז דער קאפיטאל בעשטעהט בלויז אין דיא סאמע עלעמענטארע פראדוקציאנס־מיטלען, פון דעסטוועגען האט ער בלויז פון דעם דאזיגען שטאנדפונקט בעטראכט יעדער ארבייטער, הגם ער איז ניט איינפערשטאנדען געווען מיט דיא עקאנאמיסטען און האט געהאט זיין אייגענע נייע טהעאריע וועגען ארבייטס־לוין, וויא ער האט דאס לעווינען ערקלעהרט.

לעווין האט אונווילליג געהערט און האט פון אנפאנג געפרופט אבשטרייטען. ער האט געוואלט איבערשלאגען מעטראווען און ארויסזאגען זיינע אייגענע אנזיכטען וואס וואלט שוין פארשפארען מעטראווען ווייטער ריידען. ער האט זיך אבער באלד איבערצייגט, אז זייערע אנזיכטען זיינען אזוי פערשיעדען, אז זיי וועלען איינער דעם צווייטען קיין מאהל ניט פארשטעהן, און ער האט אויפגעהערט צו האמפערען זיך און האט בלויז געהערט.

ניט קוקענדיג דערויף וואס איהם איז איצט שוין גאר ניט געווען אינטערעסאנט דאס, וואס מעטראוו האט איהם ערקלעהרט פון דעסטוועגען האט ער געפיהלט, אז ער האט הנאה, הערענדיג איהם. זיין אייגענליעבע איז געווען געשמייכעלט, וואס אזא געלעהרטער מענש ערקלעהרט איהם זיינע טהעאריען אזוי גערן, מיט אזא אויפמערקזאמקייט און מיט אזא פערטרויען, אז לעווין ווייס דעם געגענשטאנד. ער האט דאס צוגעשריבען צו זיין אייגענעם ווערטה, ניט ווייסענדיג, אז מעטראוו האט זעהר גערן גערעדט וועגען דעם געגענשטאנד מיט יעדען נייעם מענשען, און האט אין אלגעמיין גערן גערעדט איבער דעם, וואס איהם אליין איז נאך ניט גענוג קלאהר געווען.

— איך האב מורא מיר זאלען זיך ניט פארשפעטיגען — האט געזאגט קאטאוואסאוו א קוק טאהנ'דיג אויפ'ן זייגער גלייך וויא מעטראוו האט געענדיגט זיין דארלייגונג.

— יא, היינט איז א זיצונג פון דער געזעלשאפט פון ליעבהאבער צום אנדיינקען פון פינפציג יעהריגען יובילעאום פאר סווינטיטש — האט געזאגט קאטאוואסאוו, ענטפערענדיג אויף לעווינס א פראגע — מיר מיט פיאטר איוואנאוויטש האבען זיך דאס אהין געקליבען. איך האב פערשפראכען צו לעזען א

פאפיער וועגען דעם יוביליארס ארבייט אין דער זאאלאגיע. לאמיר פאהרען צוזאמען, זעהר אינטערעסאנט.

— עס איז שויןווירקליך צייט — האט געזאגט מעטראוו — פאהרט מיט אונז, און פון דארט, אויב איהר וועט זיך ניט ענטזאגען, לאמיר אריינפאהרען צו מיר. איך וואלט זעהר גערן געוועלט הערען אייער ווערק.

— ניין, וויא אזוי. דאס איז דאך נאך ניט קיין געענדיגטעס, אבער אריבערפאהרען צו דער זיצונג וועל איך זעהר גערן מיט אייך צוזאמען.

— האט איהר געהער־ט, פאטערל? איך האב דאך דערלאנגט א בעזונדער מיינונג — האט געזאגט קאטאוואסאוו, אנטאהנ׳דיג אין צווייטען צימער זיין פראק.

און עס האט זיך אנגעהויבען א געשפרעך וועגען אוניווערסיטעטישע אנגעלעגענהייטען. אין יענעם ווינטער איז דיא אוניווערזיטעט־פראגע געווען זעהר א וויכטיגע פאסירונג אין מאסקווע. דריי אלטע פראפעסארען האבען ניט אנגענומען דיא מיינונג פון דיא יונגע פראפעסארען; האבען דיא יונגע געפאסט זייער בעזונדער מיינונג. דיא דאזיגע מיינונג פון דיא יונגע האט אויפגעהויבען א גאנצען טומעל: איינע האבען געמיינט, אז דאס איז עפעס שרעקליכעס; אנדערע האבען געמיינט, פארקעהרט, אז דיא יונגע האבען ארויסגעזאגט זעהר אן עהרליכע, גערעכטע און איינפאכע מיינונג. און דיא פראפעסארען האבען זיך צוטהיילט אין צוויי פארטייען.

איין פארטיי, צו וועלכער קאטאוואסאוו האט בעלאנגט, האבען געזעהען אין דער האנדלונג פון דיא געגנערישע פראפעסארען א געמיינע מסירה און אן אבנארונג; דיא געגנער האבען אבער געזעהען אין דער האלטונג פון דיא יונגע פראפעסארען — אינגעלשע היצקעפיגקייט און דיסרעספעקט צו אויטאריטעטען. לעווין אליין האט אפילו ניט בעלאנגט צום אוניווערזיטעט; ער האט אבער איינינגע מאהל, פאר דער צייט וואס ער איז אין מאסקווע, געהערט און גערעדט וועגען דער דאזיגער אנגעלעגענהייט און האט געהאט זיין אייגענע מיינונג וועגען דעם. ער האט דארום זיך בעטהייליגט אין דעם געשפרעך, וועלכער איז פארטגעזעצט געווארען שוין דרויסען, און אזוי זיינען זיי אלע דריי דערגאנגען ביז דער געביידע פון׳ם אלטען אוניווערזיטעט.

דיא זיצונג האט זיך שוין געווען אנגעהויבען. ביי א טיש, א בעצויגענעם מיט א געוואנד, לעבען וועלכען עס האבען זיך געזעצט אויך קאטאוואסאוו און מעטראוו, זיינען געזעסען זעקס מענשען, און איינער פון זיי האט עטוואס געלעזען פון א פאפיער, איבער וועלכען ער איז געווען שטארק אנגעבויגען. לעווין האט זיך געזעצט אויף איינער פון דיא ליידיגע שטוהלען, וואס זיינען געשטאנען ארום טיש, און האט שטילינקערהייט א פרעג געטאהן א סטודענט, וועלכער איז לעבען איהם געזעסען, וואס לעזט מען דאס. דער סטודענט האט אונצופריעדען א קוק געטהאן אויף לעווינען, און האט געזאגט:

— דיא ביאגראפיע.

הגם לעווין האט זיך ניט אינטערעסירט מיט דער ביאגראפיע פון דעם געלעהרטען, אבער ער איז שוין געזעסען אונווילליג און געהערט און האט זיך

ערקונדיגט דערווייל עפּעס וואָס איז געווען פאַר איהם אינטערעסאַנט און נײַ אין דעם לעבען פון דעם בעריהמטען געלעהרנטען.

ווען דער פאָרלעזער האָט געענדיגט, האָט דער פאָרזיצענדער געדאַנקט איהם און האָט פאָרגעלעזען אַ געדיכט, וועלכע דער פּאָעט מענט האָט צוגעשיקט צום יובילעאום, און ער האָט אויך געזאָגט עטליכע ווערטער אַלס דאַנק דעם דיכטער. דערנאָך האָט קאַטאַוואַסאָוו מיט זיין הויכער, שרייענדער שטימע פאָרגעלעזען זיין שריפט וועגען די וויסענשאַפטליכע ווערקע פון׳ם יובילאַר.

ווען קאַטאַוואַסאָוו האָט געענדיגט האָט לעווין אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן זייגער און האָט דערזעהען, אַז עס איז שוין באַלד צוויי, און ער האָט געזעהען, אַז ביז׳ן קאָנצערט וועט ער שוין ניט בעוויזען איבערצולעזען מעטראָווען זיין בוך, און אין אמת׳ן האָט ער שוין איצט דערצו גאָר קיין חשק ניט געהאַט. ער האָט אין דער צייט פון לעזען געטראַכט אויך וועגען דעם געוועזענעם געשפּרעך און פאַר איהם איז איצט קלאָהר געווען, אַז אָבוואָהל מעטראָווס געדאַנקען האָבען אַ בעדייטונג, האָבען אָבער זיינע געדאַנקען אויך אַ בעדייטונג — און די דאָזיגע געדאַנקען קאָנען קלעהרער ווערען און בריינגען צו אַ וועלכען ניט איז שלום בלויז דאַן ווען יעדערער פון זייביידען וועט אַרבייטען פאַר זיך אויף זיין אויסגעוועהלטען וועג, און פון איבערגעבען איינער דעם אַנדערן זייערע געדאַנקען וועט גאָרנישט אַרויסקומען. ער האָט בעשלאָסען דאַרום אָבצוזאָגען זיך פון מעטראָווס איינלאַדונג.

ווען דיא זיצונג האָט זיך געענדיגט איז ער צו איהם צוגעגאַנגען און מעטראָוו האָט איהם בעקאַנט געמאַכט מיט דעם פאָרזיצענדען פּראָפעסאָר, מיט וועלכען ער האָט געשמועסט וועגען די פּאָליטישע נאַכריכטען. און מעטראָוו האָט דערביי דערצעהלט דעם פאָרזיצענדען דאָסזעלביגע וואָס ער האָט פריהער דערצעהלט לעווינען, און לעווין האָט אויך געמאַכט דיזעלבע בעמערקונג, וועלכע ער האָט שוין געמאַכט פריהער. דערנאָך האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ געשפּרעך וועגען דער אוניווערזיטעט־פראַגע. אַזוי וויא לעווין האָט דאָס שוין אַלעס געהערט האָט ער זיך אונטערגעאיילט איבערצוגעבען מעטראָווען, אַז ער בעדויערט זעהר, וואָס ער קאָן זיך ניט בענוצען מיט זיין איינלאַדונג, האָט זיך צוזעגענט און איז אוועקגעפאָהרען צו לוואָווען.

## 4.

לוואָוו, וועלכער איז געווען פרעהייראַטה מיט נאַטאַלי, קיטיס שוועסטער, האָט זיין גאַנצען לעבען פערבראַכט אין גרויסע מעטראָפּאָל־שטעדט און אין אויסלאַנד, וואו ער האָט בעקומען זיין ערציהונג, און וואו ער האָט געדיענט אַלס דיפּלאָמאַט.

פאָריגען יאָהר האָט ער פערלאָזען זיין דיפּלאָמאַטישע אַמט, ניט איבער אונאַנגענעהמליכקייטען (ער האָט קיין מאָהל פון קיינעם קיין אונאַנגענעהמליכקייט ניט געהאַט) נור ער האָט געוועלט איבערגעהען אויף אַן אַמט אין הויף־דעפּאַרט־

מענט אין מאָסקווא כדי ער זאָל קאָנען בעסער ערציהען זיינע צוויי אינגלעך. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס לעווין און לוואָוו זיינען געווען פערשיעדען אין זייערע אנשויאונגען און ניט קוקענדיג דערויף וואָס לוואָוו איז געווען עלטער פון לעווינען פון דעסטוועגען האָבען זיי זיך דעם דאָזיגען ווינטער זעהר צוגעבונדען איינער צום צווייטען און האָבען איינער דעם אנדערן ליעב בעקומען.

לוואָוו איז געווען צו הויז און לעווין איז צו איהם אריין ניט געמעלדעט־טערהייט. לוואָוו איז געזעסען אין א היימישען ראָק מיט א גארטעל, אין זעמשענע שיך, מיט דיא בלויע פענסנע און האָט געלעזען א בוך. זיין שעהנער, עדעלער און נאָך גאָר יונגער פנים, צו וועלכען דיא קרויזע, גלאַנציגע, זילבערדיגע האָאר האָבען צוגעגעבען א נאָך א פאָרנעהמערען אויסזעהן, האָט א שיין געטהאָן מיט א שמייכעל, ווען ער האָט דערזעהען לעווינען.

— פראכטפאָל! און איך האָב נור וואָס געוועלט שיקען צו אייך. נו, וואָס מאַכט קיטי? זעצט זיך אהער: רוהיגער — ער האָט זיך אויפגעהויבען און צוגערוקט א ווינגשטוהל — האָט איהר געלעזען דעם לעצטען צירקולאר אין זשור־נאל „דע סאן פעטערסבורג?“ איך געפין אז דאָס איז גרויסארטיג — האָט ער געזאָגט מיט אביסעל א פראנצויזישען אקצענט.

לעווין האָט דערצעהלט וואָס ער האָט געהערט פון קאטאוואסאווען וועגען דיא קלאַנגען וואָס געהען ארום אין פעטערבורג און ריידענדיג א ווײלע וועגען פאָ־ליטיק האָט ער דערנאָך דערצעהלט לוואָווען וועגען זיין בעקאַנטשאפט מיט מע־טראָווען און וויא ער איז געווען אויף דער זיצונג אין אוניווערזיטעט. לוואָוו האָט זיך דערמיט זעהר פעראינטערעסירט.

— אָט דאָס בין איך אייך מקנא, וואָס איהר האָט צוגאַנג צו דער וויסענ־שאַפטליכער וועלט — האָט ער געזאָגט, אָנפאַנגענדיג צו ריידען פראנצויזיש וואָס פאַר איהם איז געווען לייכטער אלס רוסיש — אמת, איך בין זעהר א פארנומענער און מיר בלייבט וויניג צייט. מיין אמט און מיין בעשעפטיגונג מיט אונטערריכ־טען דיא קינדער נעהמען אוועק מיין גאַנצע צייט, און דערצו, איך שעהם זיך צו זאָגען, מיין בילדונג איז א צו קנאַפע.

— איך דיינק ניט אזוי — האָט געזאָגט לעווין מיט א שמייכעל, וויא אימער ווען לוואָוו פלעגט ווייזען זיינע עניוות; וואָס ער פלעגט טהאָן ניט אום אויסצופיינען זיך, נור טאַקע אויס בעשיידענהייט און זעהר אויפריכטיג.

— אַך, איך פיהל אליין איצט וויא וויניג געבילדעט איך בין. איך מוז צוליעב דער ערציהונג פון מיינע קינדער אָבפרישען איצט מיין זכרון און איינ־פאַך נעהמען זיך לערנען. אָט לעז איך — און ער האָט אָנגעוויעזען אויף בוס־לאַיעווס גראמאטיק — דאָס פאָדערט זיך פאַר מישא'ן, און דאָס קומט מיר אָן אזוי שווער... אדרבא, ערקלעהרט מיר... ער זאָגט דאָ...

לעווין האָט איהם געוועלט ערקלעהרען, אז צו פארשטעהן איז דאָ ניטאָ וואָס, דאָס דארף מען פשוט אויסלערנען; אָבער לוואָוו איז מיט איהם דעריין ניט געווען איינפערשטאַנדען.

— יא, איהר מאַכט דערפון חוזק!

— ניין, פארקעהרט, איהר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלען, וויא קוקענדיג

אויף אייך, זוך איך אליין צו לערנען דאָס, וואָס איך וועל אליין דארפען, און נעמליך קינדער־ערציהונג.

— נו, לערנען זיך פון מיר איז ניטאָ וואָס — האָט געזאָגט לוואָוו.

— איך וויים בלויז — האָט געזאָגט לעווין — אז איך האָב ערגעץ ניט בעגעגענט קינדער בעסער ערצויגען אלס אייערע זיינען, און איך וואָלט זיך ניט געוואונשען קיין בעסערע קינדער פון אייערע.

לוואָוו האָט זיך נאטירליך געוואָלט איינהאלטען ניט ארויסצואווייזען זיין שמחה, אָבער זיין פּנים איז בעלויכטען געוואָרען פון א פריידענס־שמייכעל.

— זיי זאָלען בלויז זיין בעסער פון מיר. דאָס איז אלעס וואָס איך ווינש. איהר וויים ניט וויפיעל מיהע דאָס קאָסט מיט אזעלכע קינדער וויא מיינע, וועלכע זיינען איבער דעם לעבען אין אויסלאנד פערנאכלעסיגט געוואָרען.

— דאָס וועט איהר שוין דעריאָגען. זיי זיינען אזעלכע פעהיגע קינדער. דיא הויפּטזאך איז, זיטליכע ערציהונג. אָט וואָס איך זוך צו לערנען, קוקענדיג אויף אייערע קינדער.

— איהר זאָגט, זיטליכע ערציהונג. מען קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וויא שווער דאָס קומט אָן! נור וואָס איהר זייט פארטיג געוואָרען מיט בעקעמפּפען איין זייט, וויא עס שפּרינגט שוין ארויס עפּעס אַן אנדער שלעכטע זייט, און ווידער א קאמפּף. ווען מען זאָל ניט האָבען קיין שטיצע אין רעליגיאָן — געדיינקט איהר, וויא מיר האָבען גערעדט וועגען דעם? — וואָלט קיין פאָטער ניט געקענט מיט זיינע אייגענע כחות אָהן דער דאָזיגער הילף, ערציהען זיינע קינדער..

דער דאָזיגער געשפּרעך, וועלכער האָט אימער אינטערעסירט לעווינען, איז איבערגעריסען געוואָרען פון דער אריינגעקומענער שעהנהייט נאטאליא אלעקסאנדראָוונא, וועלכע איז געוועזן אָנגעטהאָן צום אויספאָהרען.

— און איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר זייט דאָ — האָט זיא געזאָגט — נו, וואָס מאכט קיטי? איך בין היינט ביי אייך צו מיטאָג. הער, ארסעני — האָט זיא זיך געווענדעט צום מאַן — דו וועסט נעהמען א קארעטע...

און עס האָט זיך אָנגעהויבען א געשפּרעך צווישען מאַן און פרוי, וויא זיי זאָלען פערברייגגען דעם טאָג. עס איז בעשלאָסען געוואָרען ענדליך, אז לעווין וועט פאָהרען מיט נאטאלי צום קאָנצערט און פון דארט וועלען זיי שיקען דיא קארעטע פאר ארסעניען, ער וועט צופאָהרען זיא אָבנעהמען און זיי וועלען צוזאַמען פאָהרען בעזוכען קיטין.

— ער פערדארבט מיך — האָט לוואָוו געזאָגט דער פרוי — ער פערזיכערט מיך, אז אונזערע קינדער זיינען אזעלכע געראָטענע, ווען איך וויים, אז אין זיי איז פיעל שלעכטעס.

— ארסעני דערגעהט ביז צו עקסטרעמען, איך זאָג דאָס תמיד — האָט דיא פרוי געזאָגט — אויב מען זאָל זוכען פאָלקאָמענהייט, וועט מען קיין מאָל ניט צופריעדען זיין. אמת זאָגט דער פּאפּא, אז אונז האָט מען ערצויגען אין איין עקסטרעם, מען האָט אונז, קינדער, געהאלטען אין פירהויז, און דיא עלטערן האָבען געוואָהנט אין בעלעטאזש; איצט איז אַן אנדער עקסטרעם: דיא עלטערן

דארפען זיין אין פירהויז און דיא קינדער אין בעלעטאזש. עלטערן דארפען שוין זיינט גאר ניט לעבען, אלעס בלויז פון דיא קינדער וועגען.

— וואס איז דיא צרה, ווען דאס איז אנגענעהמער? — האט געזאגט לוואוו מיט זיין שעהנעם שמייכעל אנריהרענדיג איהר האנד — ווער עס קען דיך ניט, וואלט געמיינט, אז דוא רעדסט ניט וויא א מוטער, נור וויא א שטיפ־מאמע.

— ניין, צופיעל איז אונגעזונד — האט רוהיג געזאגט נאטאלי, אוועק־לייגענדיג אין דעם געהעריגען פלאץ אויפ'ן טיש זיין פאפיער־שנייד־מעסערל.

— נו, אט קומט טאקע אריין אהער, איהר פאלקאמענע קינדער — האט לוואוו א רוף געטהאן צוויי שעהנע אינגלעך, וועלכע האבען זיך פערנייגט פאר לע־ווינען און זיינען צוגעגאנגען צום פאטער, קענטיג ווערענדיג איהם פרעגען עפעס.

לעווינען האט זיך געוועלט מיט זיי ריידען א ווייל, הערען וואס זיי וועלען זאגען דעם פאטער, אבער נאטאלי האט זיך מיט זיי צורעדט און אין מי־טען איז אריינגעקומען לוואוו'ס א קאלעגע, מאראטין, אין א הויף־מונדיר, אום צו פאהרען צוזאמען מקבל פנים זיין עמיצען, און עס האט זיך אנגעהויבען א לאנגער געשפרעך וועגען הערצאגאווינא, וועגען פירסטין קארזינסקאיא, וועגען דער דומא און וועגען אפאראקסינאס פלוצלונגען טויט.

לעווין האט דערווייל אין גאנצען פערגעסען וועגען וואס קיטי האט איהם נעבעטען איבערצורידען מיט לוואוון און האט זיך געכאפט ערשט, ווען ער איז שוין ארויס אין קארידאר.

— אך, איך האב זיך גאר פארגעסען, קיטי האט מיך געבעטען צו ריידען מיט אייך וועגען אבלאנסקין. יא, דיא מאמא פערלאנגט, אז מיר זאלען ביידע אויף איהם אנפאלען — האט לעווין געזאגט רויט ווערענדיג — איך וויים אבער ניט, פאר וואס עפעס איך?

— נו, אנפאלען וועל איך שוין אויף איהם — האט א שמייכעל געטהאן לוואווא, וועלכע האט געווארט ביז'ן ענדע געשפרעך — נו, לאמיר פאהרען.

5.

אויף דעם מארגען־קאנצערט האט מען פארגעשפיעלט צוויי אינטערע־סאנטע זאכען. איינע, א פאנטאזיע „קעניג ליער אין דיא סטעפעס“; דיא צווייטע איז געווען א קווארטעט פיר דעם אנדיינקען פון באך. ביידע שטיקער זיינען געווען נייע און לויט דעם נייעם גייסט און לעווין האט געוועלט פאסען וועגען זיי א מיינונג. ער האט צוגעפיהרט זיין שוועגערין צו איהר פלאץ און האט זיך אליין געשטעלט לעבען א קאלאנע מיט דעם ענטשלוס אויפמערקזאם און אויפריכטיג צוצוהערען זיך. ער האט געזוכט ניט אבצואווענדען זיין אויפמערקזאמקייט און ניט שטערען דעם איינדרוק, קוקענדיג וויא עס מאכט מיט'ן האנד דער דיריגענט

מיט'ן ווייסען האלזטוך, וועלכער ווירקט אזוי אונאנגענעהם אבצוציהען דיא מוזיקאלישע אויפמערקזאמקייט; ער האט געקוקט אויף דיא דאמען אין היטעלעך, מיט דיא בענדער פערבונדען ארום דיא אויערען פון קאנצערט וועגען; אויף דיא אלע פנים'ער, וועלכע זיינען פערנומען מיט פערשיעדענערליי זאכען, בלויז ניט מיט מוזיק. ער האט געזוכט אויסצומיידען בעקאנטע, און האט געהערט.

ער האט געזוכט אויסצומיידען דיא מוזיק־מבינים און פלאפלער, און איז געשטאנען קוקענדיג בלויז בעפאר זיך, און האט געהערט.

אבער וואס מעהר ער האט געהערט דיא פאנטאזיע פון קעניג ליער, אלץ מעהר דערווייטערט איז ער געווארען פון דער מעגליכקייט צו פאסען א וועלכע עס איז בעשטימטע מיינונג. עס זיינען געוועזען אהן אן אויפהער אלץ התחלות, וויא עס וואלט געוועזען א פארבערייטונג פאר א מוזיקאלישען אויסדרוק פון געפיהלען, אבער איז באלד צופאלען אויף אבגעריסענע שטיקלעך פון נייע התחלות פון מוזיקאלישע אויסדריקע, און אמאל פשוט צופאלען אויף גארנישט, אויסער קאפריזען פון דעם קאמפאזיטאר, ניט צונויפגעבונדענע, נור זעהר קאמפליצירטע קלאנגען. אבער אפילו דיא אבגעריסענע שטיקער גופא פון דיא דאזיגע מוזיקאלישע אויסדריקע, ווייל זיי זיינען געקומען גאנץ אונערווארטעט אהן יעדע פארברייטונג. פרייד און טרויער, און פערצווייפלונג, און צערטליכקייט, און טריאומף זיינען ערשיענען גאר אהן א בערעכטיגונג, וויא דיא געפיהלען פון א משוגענעם. און דיא דאזיגע געפיהלען זיינען, אויך וויא ביי א משוגענעם, געקומען אונערווארטעטערהייט.

אין דער גאנצער צייט פון דער מוזיקאלישער אויספיהרונג האט לעווין געפיהלט וויא א טויבער, וועלכער קוקט אויף טאנצענדע. ווען דאס שטיק האט זיך געענדיגט איז ער געבליבען שטעהן אין פאלשטענדיגער פערלעגענהייט און האט זיך געפיהלט זעהר מיעד פון אנגעשטריינגטער און בשום אופן ניט בעלוינטער אויפמערקזאמקייט. פון אלע זייטען האט זיך דערהערט שטורעמדיגער בייפאל. אלע האבען זיך אויפגעהויבען, אנגעהויבען ארומגעהן און בעשפרעכען. וועלענדיג ערקלעהרען זיך דאס געהערטע פון דעם איינדרוק וואס דאס האט געמאכט אויף אנדערע, האט לעווין אנגעהויבען ארומגעהן, אויסזוכענדיג מבינים, און ער האט זיך דערפרעהט ווען ער האט דערזעהען איינעם פון דיא בעריהמטע מוזיקקענער, וועלכער איז געשטאנען און געשמועסט מיט זיינעם א בעקאנטען, הערר פעסצאוו.

— וואונדערליך! — האט א זאג געטאהן פעסצאוו מיט זיין באסאווע שטימע—א קאנסטאנטין דמיטריטש, וואס מאכט איהר? בעזאנדערנס בילדליך, סקולפטאריש, אזוי צו זאגען, און רייך מיט קאלירען איז ארויסגעקומען דער פלאץ, וואו איהר פיהלט וויא קארדעליא קומט אן, דא דריקט זיך אויס, וויא דיא פרוי, דאס עוויג ווייבליכע, טרעט אריין אין קאמפף מיט'ן שיקזאל. ניט וואהר?

— דאס הייסט, וואס עפעס קארדעליא? — האט איינגעהאלטען א פרעג

געטאהן לעווין, פארגעסענדיג אין גאנצען, אז דיא פאנטאזיע האט געשילדערט דעם קעניג ליער אין דיא סטעפּעס.

— עס ערשיינט קארדעליא... אט! — האט געזאגט פעסצאוו א קלאפּ טאהנדיג מיט'ן פינגער אויף דער אפישע, וועלכע ער האט געהאלטען אין האנד, איבערגעבענדיג זיא לעווינען.

דא ערשט האט לעווין דערמאנט זיך אויף דעם נאמען פון דער פאנטאזיע און האט זיך געאיילט איבערצולעזען דיא רוסישע איבערזעצונג פון שעקספּירס דיכטונג, וואס איז געווען אבגעדרוקט אויף דער צווייטער זייט פון דער אפישע.

— אהן דעם קאן מען ניט נאכפאלגען — האט געזאגט פעסצאוו, ווענדענדיג זיך צו לעווינען, ווארום זיין מיטשפּרעכער איז אוועקגעגאנגען און ער האט ניט געהאט צו וועמען צו ריידען.

אין צייט פון אנטראקט האט זיך צווישען לעווינען און פעסצאווען פערבונדען א דעבאטע וועגען דיא מעלות און חסרונות פון דער וואגנערישער ריכטונג אין דער מוזיק. לעווין האט בעוויזען אז וואגנערס פעהלער און אזוי אויך פון אלע זיינע נאכפאלגער בעשטעהט דעריין, וואס דיא מוזיק וויל איבערגעהן אין דעם ראיאן פון א פרעמדער קונסט; אזוי מאכט אויך א טעות דיא פּאעזיע, ווען זיא שילדערט דיא געזיכטס־ציגע, וואס עס בעלאנגט גאר צו דער מאהלעריי. אלס ביישפּיעל פון אזא טעות, האט ער געבראכט דעם סקולפּטאר, וועלכען עס איז איינגעפאלען אויסצוהאקען פון מארמאר דיא שאטענס פון פּאעטישע געשטאלטען, וועלכע ענטשטעהען ארום דער פיגור פון'ם פּאעט אויפ'ן פּיעדעסטאל. „דיא דאזיגע שאטענס — זיינען אזוי ניט קיין שאטענס ביים סקולפּטאר, אז זיי מוזען זיך אנהאלטען אן א לייטער", האט געזאגט לעווין.

פעסצאוו האט אבער גענומען בעווייזען, אז קונסט איז איין זאך און אז זיא קאן עררייכען איהר העכסטען אויסדרוק אין דער פעראייניגונג פון פערשיעדענע ארטען קונסט.

דעם צווייטען נומער פון קאנצערט האט שוין לעווין ניט געקאנט הערען. פעסצאוו איז געבליבען שטעהן לעבען איהם און האט כמעט דיא גאנצע צייט גערעדט און האט קריטיקירט דיא דאזיגע מוזיק־שטיק פאר איהר איבעריגע, צו זיסע, געמאכטע איינפאכקייט און האט עס פערגליכען מיט דער איינפאכקייט פון דיא פּרעראפאעליטען אין דער מאהלעריי. ביים ארויסגעהען האט זיך לעווין בעגעגענט מיט פיעלע בעקאנטע, מיט וועלכע ער האט א שמועס געטאהן וועגען מוזיק, וועגען פּאליטיק און וועגען אלגעמיינע בעקאנטע; ער האט צופעליג געטראפען דא אויך דעם גראף באל, וועגען וועמעס וויזיט ער האט אין גאנצען פארגעסען.

— נו, פאהרט דאך אהין גלייך — האט איהם געזאגט לוואווא — עס קאן זיין מען זאל אייך ניט אויפנעהמען, און דערנאך פערפאהרט נאך מיר, איך וועל זיין אויף דער זיצונג פון קאמיטעט.

6.

— אפשר וועלען זיי ניט אויפנעהמען ? — האָט א פרעג געטאָהן לעווין, אריינגעהענדיג אין גרעפין באָיל׳ס הויז.

— זיי נעהמען אויף, ביטע — האָט געזאָגט דער שווייצאר ענטשלאָסען, אראָבנעהמענדיג זיין פוטער.

— וואָס פאר א פערדרוס ! — האָט א טראכט געטאָהן לעווין — נו, נאָך וואָס געה איך ? וועגען וואָס זאָל איך מיט זיי ריידען ?

דערזעהענדיג לעווינען האָט דיא גרעפין באָיל, וועלכע האָט געהאלטען אין בייזערען זיך אויף א דיענער, א שמייכעל געטאָהן און אריינגעבעטען איהם אין גאסטצימער, וואו עס זיינען געזעסען דיא גרעפינס צוויי טעכטער און לעווינס בעקאנטער מאָסקווער פאָלקאָווניק. לעווין איז צו זיי צוגעגנאגען, האָט זיי געגריסט און האָט זיך געזעצט לעבען דיוואן, האלטענדיג זיין הוט אויף דיא קניע.

— וואָס מאכט אייער פרוי ? — זייט איהר געווען אויפ׳ן קאָנצערט ? מיר האָבען ניט געקאָנט זיין ; מאמא האָט געדארפט זיין אויף דעם הספד נאָך פירסטין אפראקסינא.

— יא, איך האָב געהערט. וויא אינערוואַרטעט זיא איז געשטאָרבען — האָט געזאָגט לעווין.

— זיא איז אימער געווען א שוואכע.

— זייט איהר נעכטען געווען אין אָפּערא ?

— יא, איך בין געווען.

— לוקקא האָט זעהר שעהן געזונגען.

— יא, זעהר גוט — האָט ער געזאָגט און האָט א טראכט געטאָהן, וויא אָפט ער האָט שוין געהערט וועגען דער גרויסקייט פון דער טאלאנטפולער זינגערין. דער פאָלקאָווניק האָט זיך איצט אויך צורעדט וועגען דער אָפּערע. ווען דער פאָל־קאָווניק האָט געענדיגט און האָט זיך שוין אויפגעהויבען צו געהן, האָט לעווין זיך אויך אויפגעהויבען, ער האָט אָבער באמערקט פון דער גרעפינס פנים, אז עס איז נאָך ניט צייט אוועקצוגעהן. מען דארף נאָך זיצען א פּאאר מינוט. ער האָט זיך געזעצט. אָבער אזוי וויא ער האָט דיא גאנצע צייט געטראכט בלויז וויא נאריש דאָס אלעס איז, האָט ער ניט געפונען וועגען וואָס צו ריידען און האָט געשוויגען.

— פאָהרט איהר אויף דער עפענטליכער זיצונג פון קאָמיטעט ? מען זאָגט זעהר אינטערעסאנט — האָט אָנגעהויבען דיא גרעפין.

— ניין איך האָב פערשפּראָכען מיין שוועגערין צו פּארפאָהרען נאָך איהר — האָט געענטפערט לעווין.

„נו, איצט איז שוין דוכט זיך צייט“, האָט א טראכט געטאָהן לעווין, האָט זיך אָבגעזעגענט, דיא דאמען האָבען איהם געבעטען גריסען זיין פרוי, און ער איז

אוועקגעפאָהרען אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט, וואו ער האָט געדארפט געפינען זיין שוועגערין און מיט איהר צוזאמען פאָהרען אהיים.

דיא עפענטליכע זיצונג פון קאָמיטעט איז געוועזן זעהר בעזוכט און דאָרט איז געוועזן פערטראָטען כמעט דיא גאנצע געזעלשאפט. לעווין האָט דאָ בעגעגענט סוויאזשסקין, וועלכער האָט איהם גערופען, ער זאָל היינט אָבענד אונבעדינגט זיין אויף א פערזאמלינג פון דער לאנד־ווירטהשאפטליכער געזעלשאפט, וואו עס וועט פאָרגעלעזען ווערען א בעוואוסטע פאָרלאגע; ער האָט דאָ אויך געטראָפען סטעפאַן ארקאדיעוויטשען, וועלכער איז נור־וואָס געקומען פון דיא רייסעס, און נאָך פיעלע בעקאנטע, און ער האָט זיך אָנגעהערט וועגען דער קאָמיטעט-זיצונג, וועגען א נייער פיעסע און וועגען א בעוואוסטען פראָצעס. אָבער אפנים אויס מיעדקייט, האָט ער געמאכט א טעות ריידענדיג וועגען דעם פראָצעס און פלעגט דערנאָך ער־אינערן זיך וועגען דעם מיט גרויס פערדרוס. דאָס איז געוועזן א פראָצעס וועגען אן אויסלענדער, וועלכען מען האָט גע׳משפט אין רוסלאנד און וועלכען מען האָט צוגע׳משפט ארויסצושיקען פון לאנד. לעווין האָט דאָ ווידערהאָלט עפּעס א ווערטעל, וועלכען מען האָט שוין געלעזען אין א צייטונג און וואָס ער האָט געהערט פון א בעקאנטען.

— איך מיין, אז אויסווייזען איהם קיין אויסלאנד האָט דיעזעלבע בעדייטונג, וואָס בעשטראָפען א העכט דערמיט, וואָס מען זאָל איהם ארייןווארפען אין וואסער — האָט געזאָגט לעווין. אָבער שוין שפּעטער האָט ער זיך דערמאנט, אז דיא דאָזיגע בעמערקונג, וועלכע ער האָט ארויסגעגעבען פאר זיינע אן אייגענע, האָט ער געהערט פון א בעקאנטען, און אז דעם בעקאנטענס איז דאָס אויך ניט געוועזן אן אייגענס, נור גענומען פון קרילאָווס א פאבעל און אז דער בעקאנטער האָט דאָס ווידערהאָלט ניט פון קרילאָווס פאבעל, נור פון א צייטונגס־פעליעטאָן.

נאָך דעם וויא ער האָט אָבגעפיהרט דיא שוועגערין צו זיי אהיים און האָט געפונען קיטין געזונד און מונטער, איז לעווין אוועקגעפאָהרען אין קלוב.

## 7.

לעווין איז געקומען אין קלוב בעצייטענס. עס איז געוועזן נאָך א לאנגע [illegible]יא ער האָט דעם קלוב ניט בעזוכט, זינט ער האָט פערלאָזען דעם מאָס־[illegible] אוניווערזיטעט. ער האָט אָבער דעם קלוב געדיינקט מיט אלע אויסערליכע איינצעלהייטען און איינריכטונגען, און וויא נור ער איז אריינגעפאָהרען אין ברייטען, האלב־רונדען הויף, איז אראָב פון איזוואָשטשיק און דער שווייצאר האָט פאר איהם פערנייגט זיך און קלאנגלאָז געעפענט דיא טהיר; וויא נור ער איז אריין אין שווייצאר־צימער אויסטהאָן דעם פוטער און דיא קאלאָשען און האָט דערהערט דעם גלעקעל, וואָס זאָגט אָן דאָס אריינקומען, און האָט דערזעהן אין טיהר אויף דיא טרעפ דעם אלט־געוואָרענעם בעקאנטען שווייצאר, האָט לעווינען

אָנגעכאַפּט דער אַלטער, אַמאָליגער איינדרוק פון קלוב — דער איינדרוק פון אָברוה, תענוג און אנשטענדיגקייט.

— אייער הוט, זייט אזוי גוט — האָט דער שווייצאַר געזאָגט לעווינען, וועלכער האָט פערגעסען דיא רעגעלען פון קלוב איבערצולאָזען דיא היטלען אין שווייצאַר־צימער — שוין לאַנג ביי אונז ניט געווען. דער פירסט האָבען אייך נעכטען פערשריעבען. פירסט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש איז נאָך ניט געקומען.

דער שווייצאַר האָט געקענט ניט בלויז לעווינען, נור זיין גאַנצע משפחה און זיין גאַנצען יחוס, און האָט איהם גלייך אנגערופען זיינע בעקאַנטע. דורכ־געהענדיג דעם ערשטען פאָדער־זאַל, איז ער אריין אין עסס־זאַל, וואו עס האָט שוין געקאָכט פון מענשען. ער איז דורכגעגאַנגען אין דער ליינג פון דיא רייהען בעזעצטע טישען, בעקוקענדיג דיא געסט. דאָ און דאָרט האָט זיין בליק בעגעגענט פערשיעדענע פנים'ער — יונגע און אַלטע, וויים־בעקאַנטע און גאַנץ נאָהענטע. קיין איין פנים איז ניט געווען בעזאָרגט אָדער בייז. עס האָט געשיינט, אזוי וויא אַלע וואָלטען איבערלאָזען אין שווייצאַר־צימער צוזאַמען מיט זייערע היטלען אויך זייערע זאָרג און זייערע פערדריסליכקייטען, און זיי האָבען זיך דאָ פערזאַמעלט אָהן אימפּעט הנאה צו האָבען פון דיא גשמיות תענוגים פון'ם לעבען. דאָ איז געווען סוויאַזשסקי און שטשערבאַצקי און נעוועדאָווסקי, און דער אלטער פירסט, און ווראָנסקי, און סערגיי איוואַנאָוויטש, און נאָך אין נאָך.

— אהאַ, פאַר וואָס־זשע האָסט דוא זיך פערשפּעטיגט? — האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל דער אַלטער פירסט, דערלאַנגענדיג איהם דיא האַנד איבערן אַקסעל — וואָס מאַכט קיטי? — האָט ער צוגעלייגט, פאַרשטעקענדיג זיין סאַל־פעטקע הינטערן קנעפּעל פון וועסט.

— נישטקשה, געזונד; זיי עסען היינט זאַלבעדריט מיטאָג אין דער היים.

— אהאַ, און דאָ לעבען אונז איז שוין קיין פּלאַץ ניטאָ. געה אַקאָרשט צו יענעם טיש און פערכאַפּ אַ פּלאַץ שנעלער — האָט געזאָגט דער פירסט, און אָב־קעהרענדיג זיך, האָט ער זיך אַ נעהם געטהאָן פאַר'ן טעלער פיש־זופּ.

— לעווין, אהער! — האָט אַ געשריי געטהאָן אַ גוטמוטהיגע שטימע. דאָס איז געווען טוראָווצין. ער איז געזעסען מיט אַ מיליטערישען יונגען מענשען מיט'ן נאָמען גאַגין, און לעבען זיי זיינען געווען צוויי אָנגעבויגטע שטולען. לעווין איז פרעהליך צוגעגאַנגען צו זיי.

— דאָס איז פאַר אייך און אָבלאָנסקין, ער וועט דאָ גלייך זיין.

— אָבלאָנסקי פערשפּעטיגט זיך אימער.

— אָט קומט ער אויך!

— דוא ביסט נור וואָס געקומען? — האָט אַ זאָג געטהאָן אָבלאָנסקי וועלכער איז איצט שנעל געגאַנגען צו זייער טיש — וואָס מאַכסט דוא, לעווין? האָסט דוא שוין געמאַכט אַ שנאַפּס? נו, קום!

לעווין האָט זיך אויפגעהויבען און איז געגאַנגען מיט איהם צום גרויסען טיש, אויף וועלכען עס זיינען געווען אָנגעשטעלט פערשיעדענערליי צובייסען. עס האָט זיך געקאָנט דוכטען, אַז פון צוויי צעהנדליג אַזעלכע פערשיעדענערליי מאכלים האָט מען געקאָנט געפינען וואס אַ בים צו טהאָן לויט אייגענעם געשמאַק. אָבער

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ פּאָדער געטהאָן גאָר עפּעס אַ מין בעזונדער מאכל און איינער פון דיא לאַקייען אין אַ ליוורעע, האָט גלייך געבראַכט, וואָס ער האָט געפאָדערט, זיי האָבען אויסגעטרונקען צו גלעזלאַך און האָבען זיך אומגעקעהרט צום טיש.

באַלד נאָך די פיש האָט גאַגין שוין בעשטעלט שאַמפּאַניער און ער האָט געהייסען אָנגיסען פיער גלעזער. לעווין האָט זיך ניט ענטזאגט פון דער גלאָז שאַמפּאַניער און האָט געהייסען דערלאַנגען נאָך אַ פלעשעל. ער האָט זיך אויס־געהונגערט און האָט געגעסען און געטרונקען מיט גרויס הנאה און האָט מיט פער־גניגען אנטהייל גענומען אין דיא פרעהליכע, איינפאַכע געשפרעכען פון דיא **ארומיגע.**

גאַגין האָט גאַנץ שטיל דערציילט אַ נייעם פּעטערסבורגער וויץ, און דער וויץ איז געווען אַזוי שפּאַסהאַפט, אַבוואָהל אונאַנשטענדיג און דום, אַז לעווין האָט זיך אַזוי הויך צולאַכט, אַז אַלע האָבען זיך אויף איהם אומגעקוקט.

— דאָס קלינגט דאָך גאָר אַזוי, וויא דער אנעקדאט: „איך קאָן אַזאַ זאַך ניט ליידען!“ האָסט דוא דאָס געהערט? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ פרעג געטאָהן — אַך, דאָס איז גרויסאַרטיג! דערלאַנג נאָך אַ פלאַש — האָט ער געזאָגט ווייך און האָט אָנגעהויבען דערצעהלען.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשעס אנעקדאַט איז אויך געווען זעהר אַמוזאַנט. לעווין האָט דערצעהלט זיינעם אַן אַנעקדאַט, וועלכער איז אויך זעהר געפעלען געוואָרען. דערנאָך איז אַוועק אַ שמועס וועגען פערד, וועגען רייסעס און וועגען דעם וויא ווראָנסקיס פערד האָט געוואונען דעם ערשטען פּרייז. לעווין האָט ניט באַמערקט וויא דער מיטאג איז פערביי.

— און אָט זיינען זיי! — האָט צו ענדע פון מיטאג אַ זאָג געטאָהן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש דערלאַנגענדיג דיא האַנד דעם אונטערקומענדען ווראָנסקי מיט אַ גוואַרדייסקען פּאָלקאָווניק. ווראָנסקי האָט זיך לוסטיג אָנגעשפאַרט אויף סטע־פאַן אַרקאַדיעוויטשעס אַקסלען, האָט איהם עפּעס אַריינגעזאָגט אַ סוד אין אויער און האָט מיט דערזעלבער מונטערער מינע דערלאַנגט לעווינען דיא האַנד.

— זעהר גערן צו טרעפען זיך מיט אייך — האָט ער געזאָגט — איך האָב אייך דאַן געזוכט, בעת דיא וואַהלען, נור מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זייט אָבגעפאָהרען.

— יאַ, איך בין נאָך דעמזעלביגען טאָג אָבגעפאָהרען. מיר האָבען דאָ נור־וואָס גערעדט וועגען אייער פערד. איך גראַטוליר — האָט געזאָגט לעווין — אָט דאָס הייסט שנעל געיאָגט זיך.

— ביי אייך זיינען דאָך אויך פאַראַן רייס־פערד.

— ניין, דאָס זיינען ביי מיין פאָטער געווען; נור איך געדיינק וועגען זיי גאַנץ גוט.

— וואו האָסט דוא געהאַט מיטאג? — האָט אַ פרעג געטאָהן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש.

— מיר זיינען געזעסען דאָרט הינטער דיא קאָלאָנעס ביי דעם צווייטען טיש.

— מען האט איהם גראטולירט — האט געזאגט דער הויכער גווארדייסקער פאלקאווניק — דער צווייטער קייזערליכער פרייז; ווען מיר וואלט אזוי געהן אין קארטען, וויא איהם געהט אין פערד.

— נו, צו וואס זאלען מיר צורייבען דיא גאלדענע צייט. איך געה אין אינפערנאל — האט געזאגט דער פאלקאווניק און איז אוועק פון טיש.

— דאס איז יאשווין — האט ווראנסקי געענטפערט טוראווצינען אויף זיין פראגע ווער דער פאלקאווניק איז. און ער האט זיך אוועקגעזעצט לעבען זיי און אויסגעטרונקען דעם פארגעלייגטען באקאל וויין, און האט באשטעלט נאך א פלאש. צי אונטער דעם איינדרוק פון קלוב אדער פונ'ם אויסגעטרונקענעם וויין, נור לעווין האט זיך צורעדט מיט ווראנסקין און האט געפיהלט א הנאה, וואס ער פיהלט שוין איצט קיין שנאה ניט צו דעם מענשען. ער האט איהם אפילו צווישען אנדערעס דערצעהלט, אז ער האט געהערט פון זיין פרוי, אז זיא האט איהם בע־געגענט ביי פירסטין מאריא באריסאווונא.

— אך, פירסטין מאריא באריסאווונא, א פראכטפולע פערזאן! — האט זיך אבגערופען סטעפאן ארקאדיעוויטש און האט וועגען איהר דערצעהלט אן אנעקדאט, וועלכער האט אלעמען געמאכט לאכען. בעזאנדערנס האט זיך ווראנסקי אזוי גוטמוטהיג צולאכט, אז לעווין האט זיך דערפיהלט אין גאנצען שלום'דיג מיט איהם.

— נו, געענדיגט? — האט א זאג געטאהן סטעפאן ארקאדיעוויטש, אויפ־שטעהענדיג מיט א שמייכעל — טא לאמיר געהן!

## 8.

ארויסגעהענדיג פון טיש און פיהלענדיג, אז זיינע הענד בעוועגען זיך עפעס בעזונדער גרינג און רעגעלמעסיג, איז לעווין אוועק מיט גאגינען אין ביליארד־צימער. דורכגעהענדיג דעם גרויסען זאל האט ער זיך אנגעשטויסען אויף זיין שווער.

— נו, וואס? וויא געפילט דיר אונזער טעמפעל פון ליידיג־געהרשאפט!— האט געזאגט דער פירסט, נעהמענדיג איהם געארעמט — קום, לאמיר זיך דורכ־געהן.

— איך האב טאקע געוועלט דורכשפאצירען זיך דא, בעקוקען. דא איז זעהר אינטערעסאנט.

— יא, דיר איז אינטערעסאנט. אבער מיך אינטערעסירט עס שוין גאר אויף אן אנדער אופן אלס דיר. דו קוקסט אויף דיא דאזיגע אלטינקע — האט ער געזאגט אנווייזענדיג אויף אן איינגעהויקערטען מיטגליעד מיט אן אראבגע־האנגענער ליפ, וועלכער איז געקומען זיי אנטקעגען קוים שלעפענדיג דיא פיס — און דוא מיינסט אז זיי זיינען דאס אזוי געבארען געווארען שליופיקעס.

— וואָס הייסט דאָס שליופּיקעס?

— זעהסט דוא, דוא ווייסט גאָר ניט וואָס דער דאָזיגער נאָמען בעדייט. דאָס איז אַזא טערמין פון אונזער קלוב. דוא ווייסט דאָך, ווען מען שפּיעלט אין קייקלען אייער, איז ווען מען קייקעלט אַן איי אַ לאַנגע צייט ווערט זיא אַ שליופּיק. אַזוי איז אונזער איינער: פאָהרכט, פאָהרסט אין קלוב, ביז וואַגען דוא ווערסט אַ שליופּיק. נו, אָט דיר לאַכט זיך און אונזערער אַ מענש קוקט און וואַרט, ווען ער אליין וועט שוין ווערען ברוך השם א שליופּיק. קענסט דוא גראַף טשעטשענסקי? — האָט א פרעג געטהאָן דער פירסט און לעווין האָט דערזעהען פון זיין פּנים, אז ער וויל דערצעהלען עפּעס וויציגעס.

— ניין, איך קען איהם ניט.

— נו, וויא קומט דאָס! גראַף טשעטשענסקי איז אַזאַ בעוואוסטע פּערזאָן. נור אַלץ איינס. ער ליעבט אימער ביליארד שפּיעלען. מיט אַ יאָהר דריי צוריק איז ער נאָך געווען ווייט פון צו ווערען אַ שליופּיק און האָט זיך גע׳בריה׳ט, האָט אליין געמאַכט חוזק פון דיא שליופּיקעס. ויהי היום, קומט ער איין מאָהל צופאָהרען, און אונזער שווייצאַר... וואסילי, דוא קענסט דאָך איהם? נו, אָט דער דיקער. גיט איהם גראַף טשעטשענסקי אַ פרעג: „נו, וואָס הערט זיך, וואסילי, ווער און ווער זיינען שוין דאָ? זיינען שוין דיא שליופּיקעס געקומען?“ און וואסילי ענטפערט איהם „איהר זייט דער דריטער“. אַזוי איז, ברודערל!

לעווין איז דורכגעגאַנגען מיט׳ן פירסט אַלע צימערן: דעם גרויסען צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען טישען און מען האָט געשפּיעלט אויף אַ רוהיגען קליינעם אופן; דערנאָך דעם צימער, וואו מען האָט געשפּיעלט שאַך און וואו עס איז געזעסען סערגיי איוואַנאָוויטש און האָט מיט עמיצען געשמועסט; דעם ביליארד־צימער, וואו אין אַ זייט זיינען געשטאַנען אַ גאַנצע חברה און געטרונקען שאַמפּאַניער און אין דער חברה איז געווען אויך גאַגין; זיי האָבען דערנאָך אַ בליק געטהאָן אין דעם אינפערנאַלען צימער, וואו ארום אַ קאַרטען־טיש, ביי וועלכען עס איז געזעסען יאַשווין און עס האָבען זיך געשטויסען אַרום פּאַראינטערעסירטע שפּיעלער. בעמיהענדיג זיך ניט צו מאַכען קיין רויש זיינען זיי אריין אין לעזעצימער, וואו אונטער לאָמפּען מיט אבאַזשורען איז געזעסען אַ יונגער מענש מיט אַ צאָרענדיגען פּנים, איבערכאַפּענדיג איין זשורנאַל נאָך דעם צווייטען, און צו איהם אַ פליכעוואַטער גענעראַל, פערטיעפט אין לעזען. זיי זיינען אויך אריין אין׳ם צימער, וועלכען דער פירסט האָט גערופען דער קלוגער צימער. אין דעם דאָזיגען צימער זיינען געזעסען דריי העררן און האָבען זיך געהאַמפּערט וועגען דיא לעצטע פּאָליטישע נאַכריכטען.

— פירסט, זייט אַזוי גוט, שוין פאַרטיג — האָט געזאָגט איינער פון דעם פירסט פּאַרטניאָרען אויפזוכענדיג איהם. און דער פירסט איז מיט איהם אַוועק. לעווין איז געזעסען אַ ווײַלע, האָט זיך צוגעהערט, האָט זיך עראינערט אַלע געשפּרעכען, וועלכע ער האָט זיך היינט אָנגעהערט און איהם איז געוואָרען שרעקליך לאַנגווייליג. ער האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען און איז געגאַנגען אויפזוכען אבלאַנסקין און טוראָווצינען, מיט וועלכע עס איז פרעהליכער צו פערברייינגען.

טוראָווצין איז געזעסען מיט אַ קריגעל געטראַנק אין דעם ביליאַרד־צימער

# אננא קארעניגא

און סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש איז געזעסען מיט ווראָנסקין און האָבען וועגען עפּעס געשמועסט אין א ווייטען ווינקעל פון צימער.

— ניט וואָס זיא זאָל פּיהלען לאַנגווייליג, נור דיא דאָזיגע אונבעשטימט־הייט פון דער לאַגע — האָט געהערט לעווין און ער האָט געוועלט שנעלער אב־טרעטען; אָבער סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט איהם צוגערופען.

— לעווין! — האָט א זאָג געטאָהן סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, און לעווין האָט בעמערקט, אז דיא אויגען זיינע זיינען ביי איהם פייכט, וויא עס פלעגט ביי איהם אימער זיין, ווען ער פלעגט אויסטרינקען, אָדער ווען ער איז געווען גערירהרט פון עפּעס. היינט איז געווען אי איינס אי דאָס צווייטע. — לעווין געה ניט אוועק — האָט ער געזאָגט און האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנד און פעסט געדריקט, אפּנים ניט וועלענדיג בשום אופן ער זאָל אוועקגעהן.

— דאָס איז מיין אויפריכטיגסטער, אויב ניט מיין בעסטער פריינד — האָט ער געזאָגט ווראָנסקין — דוא ביסט מיר אויך נאָך נעהנטער און טהייער. און איך וויל און איך וויים, אז איהר דאַרפט זיין בעפריינדעט און נאָהענט, ווארום איהר זייט ביידע גוטע מענשען.

— נו, וואָס־זשע, בלייבט אונז מעהר נישט וויא צו צוקושען זיך — האָט גוטמוטיג געזאָגט מיט א שפּאַס ווראָנסקי, דערלאַנגענדיג לעווינען זיין האַנד.

לעווין האָט שנעל אָנגענומען דיא דערלאַנגטע האַנד און האָט זיא קרעפטיג א דריק געטאָהן.

— זעהר, זעהר גערן.

— מענש, א פלאַש שאַמפּאַניער — האָט בעשטעלט סטעפּאַן ארקאַ־דיעוויטש.

— און איך בין אויך זעהר גערן — האָט ווראָנסקי געענטפערט לעווינען.

— ווייסט דוא, אז ער איז דאָך נאָך גאָר ניט בעקאַנט מיט אננאַן? — האָט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש געזאָגט ווראָנסקין — און איך וויל ניט אנדערש וויא אריבערפאָהרען מיט איהם צו איהר. פאָהרען מיר, לעווין!

— ווירקליך? — האָט זיך אָבגערופען ווראָנסקי — וויא זיא וועט זיך דערפרעהען. איך וואָלט גלייך געפאָהרען מיט אייך צו מיר אהיים, אָבער איך בע־אונרוהיג זיך וועגען יאשווינען, און איך וויל זיין דאָ, ביז וואַנען ער וועט ענדיגען שפּיעלען.

— וואָס איז, שלעכט?

— ער האָלט אַלץ אין איין פערשפּיעלען, און איך בין דער איינציגער וועלכער קאָן איהם צוריקהאַלטען.

— איז וואָס? וועלען מיר שפּיעלען א פּיראַמידעל? לעווין וועכט שפּיע־לען? פיין! — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש און האָט געגעבען א בע־פעהל: — עי, שטעל אוועק א פּיראַמידעל!

— שוין לאַנג פאַרטיג — האָט געענטפערט דער ביליארד־בעדינער וועל־כער האָט שוין אויסגעשטעלט דיא שאַרען אין א דריי־עק און האָט איצט פון צייט־פערטרייב וועגען ארומגעקייקעלט דעם רויטען שאַר.

— נו, שפּיעלען מיר!

ווען דיא ביליארד־פארטיע איז געווען געענדיגט האט סטעפאן ארקאדיע־וויטש א נעהם געטאהן לעווינען אונטערן ארעם.

— וועלען מיר פאהרען הייסט דאס בעזוכען אננאן. גלייך, הא? זיא איז איצט אקוראט צו הויז. איך האב איהר שוין לאנג פערשפראכען דיך צו ברייננגען. וואוהין האסט דוא זיך דען געקליבען צו פאהרען היינט אבענד?

— אין ערגעץ ניט בעשטימט. איך האב בלויז פערשפראכען סוויאזשסקין צו זיין אויף דער זיצונג פון דער לאנד־ווירטהשאפטליכער געזעלשאפט. גוט, לאמיר פאהרען — האט געזאגט לעווין.

— גרויסארטיג, מיר פאהרען! געפין אויס, אויב מיין קארעטע איז שוין געקומען — האט זיך סטעפאן ארקאדיעוויטש א ווענד געטהאן צום לאקיי.

לעווין איז צוגעגאנגען צום טיש, האט בעצאהלט דיא פערשפיעלטע פער־ציג רובעל, האט בעצאהלט עפעס אויף א מין געהיימען אופן דעם אלטינקען לאקיי, וועלכער איז געשטאנען ביי דער טיהר, דיא הוצאות וואס ער האט געמאכט אין קלוב, און וויגענדיג עפעס מיט א בעזונדער לייכטקייט מיט דיא הענד, איז ער דורכגעגאנגען דיא זאלען און ארויס.

9.

— אבלאנסקים קארעטע! — האט מיט א בייזע באכאווע שטימע אויס־געשריען דער שווייצאר. דיא קארעטע איז צוגעפאהרען און זיי האבען זיךביידע געזעצט. בלויז אנפאנגס, וויא לאנג דיא קארעטע איז ארויסגעפאהרען פון דיא טויערען פון קלוב, האט לעווין נאך אלץ געפיהלט דעם איינדרוק פון דער קלובי־שער רוהע, פערגעניגען און אנשטענדיגקייט. וויא אבער דיא קארעטע איז ארויסגעפאהרען אין גאס, האט דערפיהלט דיא טרויסלענעס איבער דער ניט גלייכקייט פון גאס, האט דערהערט דיא זידלערייען און געשרייען צווישען דיא איזוואזשטשיקעס און האט דערזעהען דיא רויטע שילד פון א שיינק, אזוי איז יענער איינדרוק שוין פערשוואונדען און ער האט אנגעהויבען צו געבען זיך רע־כענשאפט פון זיינע האנדלונגען און וואנדלונגען פאר דעם טאג און צו טהוט ער גוט, וואס ער פאהרט איצט צו אננאן. וואס וועט דערויף קיטי זאגען? אבער סטעפאן ארקאדיעוויטש האט איהם ניט געלאזען לאנג טראכטען.

— וויא איך בין גערן, וואס דוא וועסט מיט איהר בעקאנט ווערען — האט ער געזאגט — ווייסט דוא, דאללי האט דאך דאס שוין לאנג געוואונשען. און לוואוו בעזוכט זיא אויך. אמת, זיא איז מיר א שוועסטער, אבער פון דעסט־וועגען מוז איך זאגען מיט דרייסטקייט, אז זיא איז א וואונדערליכע פרוי. דוא וועסט אליין זעהן. איהר לאגע איז נור זעהר א שווערע, בעזאנדערס איצט.

— פאר וואס עפעס איצט בעזאנדערס?

— מיר אונטערהאנדלען מיט איהר מאן וועגען א גט; און ער איז שוין

איינשטימיג, אָבער דאָ זיינען שווערינקייטען אין מיטען וועגען איהר זוהן; עס האָט זיך שוין לאַנג געדאַרפט ענדיגען, איז שוין דריי מאָנאַט וויא דאָס ציהט זיך, אַלץ איבער דעם. וויא נור עס וועט אויסגעווירקט זיין אַ גט, וועט זיא חתונה האָבען מיט ווראָנסקין. וויא דום דאָס איז דער אַלטער מנהג פון דרעהען זיך אונטער דער חופה, מיט דעם „שמח תשמח,“ אין וואָס קיינער גלויבט ניט און וואָס עס שטערט דעם גליק פון מענשען! — האָט אריינגעזאָגט אין מיטען סטעפאַן ארקאַדיעוויטש — נו, ווען דאָס וועט זיך פערווירקליכען, וועט זייער לאַגע זיין בעשטימט, וויא מיינע, וויא דיינע.

— פון וואָס־זשע איז דער אָבהאַלט?

— אַך, דאָס איז אַ לאַנגע און לאַנגווייליגע געשיכטע! דאָס אַלעס איז ביי אונז אַזוי אונבעשטימט. אָבער דיא זאַך דערפון איז אַזוי: וואַרטענדיג דערווייל דאָ אין מאָסקווע ביז׳ן גט, וואָהנט זיא דאָ, וואו אַלע קענען זיא, שוין דריי מאָנאַט; זיא בעזוכט קיינעם ניט, זעהט קיינעם ניט פון פרויען אויסער דאַללין, ווארום זיא וויל ניט פאַרשטעהסט דוא, אַז מען זאָל איהר אַ טובה טאָהן מיט אַ בעזוך; דיא דאָזיגע דומקאָפּ, פירסטין ווארווארא — אפילו דיא איז פון איהר אַוועק, רעכענענדיג דאָס פאַר אונפּאַסיג. אין אַזאַ לאַגע וואָלט אַן אַנדער פרוי ניט געפינען אין זיך קיין כחות. אָבער זיא — אָט וועסט דוא אַליין זעהען וויא זיא האָט איינגעאָרדענט איהר לעבען. וויא רוהיג, וויא ווירדיג זיא האַלט זיך. צו לינקס, אין געסעל אנגעגען קלויסטער! — האָט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש אַ געשריי געטאָהן אין פענסטער פון קאַרעטע צום קוטשער — פו, וויא היים! — האָט ער געזאָגט, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס איז געווען אַ 12 גראַדיגער פראָסט.

— אָבער זיא האָט דאָך אַ טאָכטער, מוז זיא דאָך געוויס זיין גענוג באַשעפטיגט מיט איהר? — האָט געזאָגט לעווין.

— דוא שטעלסט זיך עפּעס פאָר יעדע פרויענצימער אַלס בלויז אַ „זיא“— האָט געזאָגט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש,—אַז בעשעפטיגט, איז ניט אַנדערש וויא מיט קינדער. ניין, זיא גיט איהר אַ גוטע ערציהונג, דוכט זיך, אָבער וועגען דעם הערט זיך ווייניג. זיא איז בעשעפטיגט הויפּטזעכליך מיט שרייבען. דוא שמייכעלסט איראָניש, איך זעה, אָבער אומזיסט. זיא שרייבט אַ בוך פאַר קינדער, און זיא דערצעהלט קיינעם ניט וועגען דעם, נור מיר האָט זיא דעם בוך געלעזען, און איך האָב דעם מאַנוסקריפּט געגעבען וואָרקויעווען... ווייסט דאָך, דער ארויסגעבער... ער איז דאָך אַליין אויך אַ שרייבער, דוכט זיך. און ער זאָגט, אַז דאָס איז אַ מערקווירדיגעס ווערק. אָבער דוא מיינסט דאָך אודאי, אַז דאָס איז אַ פרוי אַ פערפאַסערין? עס הויבט זיך ניט אָן. זיא איז פאָר אַלעם אַ פרוי מיט אַ האַרץ, דוא וועסט זעהען. איצט האָדעוועט זיך ביי איהר אַ מיידעלע, אַן ענגלענדערקע און אַ גאַנצע פאַמיליע.

— וואָס, עפּעס פילאַנטראָפּישעס?

— אהא, דוא ווילסט אין אַלעם גלייך געפינען עפּעס שלעכטעס. ניט אַ פילאַנטראָפּישע, נור אַ האַרציגע. ביי זיי, דאָס הייסט ביי ווראָנסקין האָט געדיענט אַן ענגלענדער, אַ בריה אין זיין פאַך, אָבער אַ שיכור. ער האָט זיך פאַרשיכור׳ט, דעליריום טרעמענז, און ער האָט אַוועקגעוואָרפען דיא פאַמיליע. זיא

האט זיי צוגענומען, העלפט זיי אויס, און פערפערטיגט אליין דיא אינגלעך אויף רוסיש אין גימנאזיום, און דאס מיידעלע האט זיא אין גאנצען צוגענומען צו זיך. דוא וועסט דאך זעהען.

דיא קארעטע איז אריינגעפאהרען אין א הויף; סטעפאן ארקאדיעוויטש האט הויך א קלונג געטאהן אין פאראדנעב אריינגאנג, לעבען וועלכען עס איז געשטאנען א שליטען. און ניט פרעגענדיג דעם שווייצאר, וועלכער האט דיא טהיר געעפענט אויב מען איז צו הויז, איז ער אריין. לעווין איז געגאנגען נאך איהם, אלץ מעהר און מעהר צווייפלענדיג, אויב עס איז רעכט וואס ער טהוט.

איינקוקענדיג זיך אין שפיגעל האט לעווין באמערקט, אז ער איז רויט; אבער ער איז געווען זיכער, אז ער איז ניט שיכור. ארויפקומענדיג אויבען, האט סטעפאן ארקאדיעוויטש א פרעג געטאהן דעם בעקאנטען לאקיי, צו איז ווער ביי אננא ארקאדיעוונא און ער האט בעקומען דעם ענטפער, אז ביי איהר זיצט הערר ווארקויעוו.

— וואו זיינען זיי ?

— אין קאבינעט.

דורכגעהענדיג דעם ניט גרויסען עסס־צימער, איז סטעפאן ארקאדיעוויטש מיט לעווינען אריין אין האלב־דונקעלען קאבינעט, וועלכער איז געווען בעלויכטען בלויז מיט איין לאמפ מיט א גרויסען דונקעלען אבאזשור; אן אנדער אבשפיגלונגס־לאמפ האט געברענט אויף דער וואנד און האט בעלויכטען א גרויסען, פון גאנצען וואוקס, פארטרעט פון א פרוי, וועלכער האט געצויגען אויף זיך לעווינס אויפמערקזאמקייט. דאס איז געווען אננאס פארטרעט, וועלכען מיכאילאוו האט פאר איהר געמאכט אין איטאליען. לעווין האט געקוקט אויף דעם פארטרעט אין דער גלענצענדער בעלייכטונג און האט זיך פון איהם ניט געקענט אברייסען. ער האט אפילו פארגעסען וואו ער איז געווען, און ניט הערענדיג וואס סטעפאן ארקאדיעוויטש האט גערעדט מיט עמיצען, האט ער ניט ארא־בגעלאזען דיא אויגען פון דעם וואונדערליכען פארטרעט. דאס איז געווען ניט קיין בילד, נור א לעבעדיגע, פרעכטיגע פרוי, מיט שווארצע, קרויזע האאר, מיט נאקעטע שולטערן און הענד און מיט א פערטראכטען האלב־שמייכעל אויף דיא ליפען בעדעקטע מיט אן איידעלען פוכעל, זיעגרייך און צערטליך קוקענדיג אויף איהם און ברייננענדיג איהם אין א פערלעגענהייט מיט איהר בליק. זיא איז ניט געווען קיין לעבעדיגע בלויז דערפאר, וואס זיא איז געווען שעהנער איידער א לעבעדיגע קאן זיין.

— וויא גערן איך בין — האט ער דערהערט פלוצלונג לעבען זיך א שטימע, וועלכע איז געווען געווענדעט קאנטיג צו איהם — דיא שטימע פון דערזעלבער פרוי, פון וועמעס פארטרעט ער האט אזוי הנאה געהאט. זיא איז געקומען איהם אנטגעגען און לעווין האט אין דער האלב־ליכטיגקייט פון קאבינעט דערזעהען דיזעלביגע פרוי, וואס אויפ'ן פארטרעט, אין א דונקעלע, פערשיעדענקאלירטע קלייד, און אין דערזעלבער לאגע, נור ניט מיט יענעם אויסדרוק, אבער אויף דערזעלבער מדרגה פון שעהנקייט, וויא זיא איז אויפגעכאפט געווארען פון דעם מאהלער אויפ'ן פארטרעט. זיא איז געווען וויינינגער גלענצענד אין דער ווירק־

ליכקייט, אָבער דערפאַר איז אין דער לעבעדיגער געווען עפּעס אַזעלכעס נייעס, אַנציהענדעס, וואָס אין פּאָרטרעט האָט געפעהלט.

## 10.

זיא האָט זיך אויפגעהויבען צו קומען איהם אַנטגעגען און האָט ניט בע־האַלטען איהר שמחה, וואָס זיא האָט איהם דערזעהען. און מיט דער רוהיגקייט, מיט וועלכער זיא האָט אויסגעשטרעקט איהר קליינע, ענערגישע האַנד, האָט זיא איהם גלייך בעקאַנט געמאַכט מיט וואָרקויעווען און האָט איהם אָנגעצייגט אויף אַ שעהן, קליין רויט מיידעל, וועלכע איז געזעסען דאָ און געאַרבייט, אָנרופענדיג זיא איהר האָדעוואַנקע.

— זעהר, זעהר גערן — האָט זיא ווידערהאָלט, און ארויסקומענדיג פון איהרע ליפען האָבען דיא דאָזיגע איינפאַכע ווערטער עפּעס ערהאַלטען אַ בעזונדער בעדייטונג — איך קען אייך שוין פון לאַנג און ליעב אייך פאַר אייער פריינדשאַפט צו כטיוואַן און פאַר אייער פרוי... איך האָב זיא געקענט אַ גאַנץ קורצע צייט, אָבער זיא האָט אין מיר איבערגעלאָזען דעם איינדרוק פון אַ פרעכטיגען בליהמעל, נעמליך טאַקע אַ פרעכטיג בליהמעל. און זיא וועט שוין אין גיכען ווערען מוטער!

זיא האָט גערעדט פריי, ניט געאיילט, וויילעווייז איבערטראָגענדיג איהר בליק פון דעם ברודער אויף לעווינען, און לעווין האָט געפיהלט, אַז דער איינדרוק, וועלכען ער האָט אויף איהר געמאַכט, איז געווען אַ גוטער, און איהם איז טאַקע גלייך געוואָרען אַזוי לייכט און אַזוי אַנגענעהם מיט איהר, וויא ער וואָלט זיא גע־קענט פון קינדהייט אָן.

— וויא איז דיין געזונדהייט? — האָט איהר דער ברודער אַ פרעג געטאָהן.

— נישטקשה. דיא נערווען וויא געוועהנליך.

— ניט אמת, אונגעוועהנליך גוט? — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיע־וויטש לעווינען, בעמערקענדיג וויא ער קוקט זיך איין אין פּאָרטרעט.

— איך האָב קיין בעסערען פּאָרטרעט ניט געזעהען.

— און אונגעוועהנליך עהנליך, ניט וואַהר? — האָט געזאָגט וואָרקויעוו.

לעווין האָט אַ קוק געטאָהן פון פּאָרטרעט אויף דעם אָריגינאַל. אַ בעזונדער גלאַנץ האָט בעלויכטען אננאַס פּנים, ווען זיא האָט דערפיהלט אויף זיך זיין קוק. לעווין איז רויט געוואָרען און אום צו בעהאַלטען זיין פערלעגענהייט האָט ער גע־וואָלט אַ פרעג טאָהן, אויב שוין לאַנג וויא זיא האָט געזעהען דאַריא אַלעקסאַנד־ראָוונא, אָבער אין דער מינוט האָט אננאַ אָנגעהויבען צו ריידען:

— מיר האָבען דאָס דאָ נור־וואָס מיט איוואַן פּעטראָוויטשען גערעדט וועגען וואַשטשענקאָווס לעצטע בילדער. האָט איהר זיי געזעהען?

— יא, איך האָב זיי געזעהען.

— אָבער ענטשולדיגט, איך האָב אייך איבערגעשלאָגען, איהר האָט גע־וועלט וואָס זאָגען...

לעווין האָט אַ פרעג געטאָהן צו שוין לאַנג וויא זיא האָט געזעהען דאַללין.

— זיאַ איז ביי מיר נעכטען געוועזן. זיא איז זעהר אויפגעבראַכט פאַר גרישאַן וועגען גימנאַזיע. דער ליטיין־לעהרער איז דוכט זיך אונגערעכט געגען איהם.

— יאַ איך האָב געזעהען דיא בילדער. זיי זיינען מיר ניט זעהר געפעלען געוואָרען — האָט זיך אַ קעהר געטאָהן לעווין צו דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך.

לעווין האָט גערעדט איצט גאָר ניט וויא פּער בעשטעלונג, וויא ער האָט דאָס געטאָהן היינט אַ גאַנצען אין־דער־פריה. אין געשפּרעך מיט איהר האָט זיך איהם געדוכט, אַז יעדעס וואָרט האָט עפּעס מעהר בעדייטונג. אַנגענעהם איז געווען צו ריידען מיט איהר, און נאָך אַנגענעהמער איז געווען צו הערען וויא זיא רעדט.

זיא האָט גערעדט ניט נור נאַטירליך און קלוג, נור קלוג און לייכט, ניט צושרייבענדיג קיין ווערטה צו איהרע געדאַנקען, נור צוגעבענדיג דעם הויפּט ווערטה צו דיא געדאַנקען פון דעם, וואָס רעדט מיט איהר.

דאָס געשפּרעך האָט זיך פערצויגען וועגען דער נייער ריכטונג אין דער קונסט, וועגען די נייע אילוסטרירונג פון דער ביבעל פון אַ פראַנצויזישען מאַלער. וואָרקויעוו האָט בעשולדיגט דעם מאַהלער אין אַזאַ רעאַליזם, וואָס דערגעהט ביז גראָבהייט. לעווין האָט ערקלעהרט, אַז דיא פראַנצויזען האָבען מעהר פון אַלעמען אַריינגעפיהרט דעם עלעמענט פון אומשטענדען אין דער קונסט און דערפאַר זעהען זיי אַ בעזונדער פערדינסט אין דער צוריקקעהרונג צום רעאַליזם. שוין דעריין גופא, וואָס זיי זאָגען קיין ליגען ניט, זעהען זיי פּאָעזיע.

קיין מאָהל האָט נאָך לעווינען זיינער אַ קלוג וואָרט ניט געמאַכט אַזוי פיעל פערגעניגען וויא דאָס מאָהל. אַננאַס פּנים איז פּלוצלונג אין גאַנצען בעלויכטען געוואָרען, ווען זיא האָט אָבגעשעצט דעם דאָזיגען געדאַנק. זיא האָט זיך צולאַכט.

— איך לאַך — האָט זיא געזאָגט — וויא מען לאַכט, ווען מען דערזעהט אַן עהנליכען פּאָרטרעט. דאָס, וואָס איהר האָט געזאָגט, כאַראַקטעריזירט פּאָל־שטענדיג דיא איצטיגע פראַנצויזישע קונסט, דיא מאַהלעריי, און אפילו דיא לי־טעראַטור: ז אָ ל אַ, ד אָ ד ע. אָבער עס קאָן זיין אַז דאָס איז תמיד אַזוי, מען בילדעט אַן אויפפאַסונג פון אויסגעטראַכטע אומשטאַנדס־פיגורען, און דער־נאָך — אַלע קאָמבינאַציאָנען זיינען שוין געמאַכט געוואָרען, דיא אויסגעטראַכטע פיגורען האָבען דערעסען, און מען הויבט אָן צו־צוטראַכטען מעהר נאַטירליכע, מעהר אָרדענטליכע פיגורען.

— דאָס איז פאָלשטענדיג ריכטיג! — האָט אַ זאָג געטאָהן וואָרקויעוו.

— זייט איהר, הייסט עס, געווען אין קלוב? — האָט זיא זיך אַ װענד געטאָהן צום ברודער.

„יאַ, יאַ, דאָס איז אַ פרויענצימער!“ האָט אַ טראַכט געטאָהן לעווין, וועל־כער האָט זיך אַזוי פערגעסען, אַז ער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויף איהר שעהנעם, בעוועגליכען פּנים, וועלכער האָט זיך איצט פאָלשטענדיג אומגעביטען. לעווין האָט ניט געהערט, וועגען וואָס זיא האָט גערעדט אנגעבויגענערהייט צום ברודער, ער

איז אָבער געווען איבערראַשט פון דער ענדערונג אין דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט. פריהער איז איהר פּנים געווען אַזוי שעהן מיט זיין רוהיגקייט, און איצט האָט דער דאָזיגער פּנים פּלוצלונג אויסגעדריקט זאָנדערבאַרע נייגעריגקייט, כעס און שטאָלץ. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין מינוט. זיא האָט אַ זשמורע געטאָהן דיא אויגען, וויא דערמאָהנענדיג זיך אויף עפּעס.

— נו, יא. איבעריגענס איז דאָס קיינעם ניט אינטערעסאַנט — האָט זיא געזאָגט און האָט זיך אַ ווענד געטאָהן צו דער ענגלענדערקע: פּליז, אָרדער דהי טיע אין דהי דראָאינג־רום.

דאָס מיידעלע האָט זיך אויפגעהויבען און איז ארויסגעגאַנגען.

— נו, וויא האָט זיא אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען? — האָט אַ פרעג געטאָהן סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש.

— פּרעכטיג אויסגעהאַלטען. זעהר אַ פעהיגעס קינד און אַ ליעבע נאַטור.

— עס וועט זיך ענדיגען דערמיט, אַז דיא [illegible] זיא ליעב האָבען מעהר וויא דיין אייגענע.

— אַזוי רעדט אַ מאַנספּארשוין. אין ליעבע איז ניטאָ קיין מעהר און ווייניגער. איך ליעב מיין טאָכטער מיט איין ליעבע, און זיא מיט אַן אַנדערע.

— איך זאָג דאָס צו אננאַ ארקאַדיעוונא — האָט זיך אָבגערופען וואָרקויעוו — אַז ווען זיא וואָלט אַוועקגעלייגט ווייניגסטענס זיין הונדערטעל פון דער דאָזיגער ענערגיע פאַר דער אַלגעמיינער אַנגעלעגענהייט פון ערציהונג פאַר רוסישע קינדער, וויא זיא לייגט דאָס אַוועק ענערגיע פאַר דער ענגלענדערקע, וואָלט אננאַ ארקאַדיעוונא אויפגעטאָהן עטוואָס גרויסעס, וויכטיגעס און ניצליבעס.

— נו, וואָס איהר זאָלט ניט וועלען, איך קאָן ניט. גראַף אַלעקסיי קירילאָוויטש האָט מיר געגעבען זעהר פיעל מוטה (ארויסרעדענדיג דיא ווערטער גראַף אַלעקסיי קירילאָוויטש, האָט זיא בקשה־שעהמעוודיג אַ קוק געטאָהן אויף לעווינען און ער האָט איהר געענטפערט מיט אַ העפליכען, בעשטימטיגענדען בליק) ער האָט מיך זעהר ערמוטהיגט, איך זאָל זיך בעשעפטיגען מיט דאָרף־שוהלען. איך בין עטליכע מאָהל געגאַנגען. זיי זיינען זעהר ליעבליך, אָבער איך האָב ניט געקאָנט צובינדען זיך דערצו. איהר זאָגט — ענערגיע. ענערגיע איז געגרינדעט אויף ליעבע. און פון וואַנען זאָל זיך נעהמען ליעבע — בעשטעלען קאָן מען ניט. אָט האָב איך ליעב בעקומען דאָס דאָזיגע מיידעל, איך וויים אַליין ניט פאַר וואָס.

און זיא האָט ווידער אַ קוק געטאָהן אויף לעווינען. און איהר שמייכעל און איהר בליק — אַלעס האָט איהם געזאָגט, אַז זיא ווענדט איהרע גאַנצע רייד צו איהם, האַלטענדיג טהייער זיין מיינונג און וויסענדיג אין דערזעלבער צייט פאָראויס, אַז זיי פארשטעהן איינער דעם אַנדערען.

— איך פאַרשטעה דאָס פאָלשטענדיג — האָט געענטפערט לעווין — פאַר שוהלען און אין אַלגעמיין פאַר אַזעלכע זאַכען קאָן מען זיך ניט נעהמען האַרציג און איך דיינק, אַז דערפאַר ברייינגען דיא פילאַנטראָפּישע איינריכטונגען אַזוי ווייניג רעזולטאַטען.

זיא האָט געשוויגען, האָט דערנאָך אַ שמייכעל געטאָהן.

— יאָ, יאָ — האָט זיא בעשטעטיגט — איך האָב קיין מאָהל ניט געקאָנט. איך האָב ניט אַזאַ ברייט האַרץ, אַז איך זאָל ליעב בעקומען אַ גאַנצען קינדער־אַנשטאַלט מיט עקעלדיגע מיידעלעך. עס זיינען פאַראַן גאַנץ גענוג פרויען, וועלכע האָבען דערפון זיך ערוואָרבען אַ שטעלונג אין דער געזעלשאַפט. און איצט, בעזאָנדערס איצט, ווען איך מוז האָבען אַ וועלכע ניט איז בעשעפטיגונג, קאָן איך ניט.

זיא האָט זיך פּלוצלונג אַנגעוואָלקענט (לעווין האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז געווען אַ בייזקייט געגען זיך גופא, פאַר וואָס זיא רעדט וועגען זיך) און האָט אָן ענדער געטאָהן דאָס געשפּרעך: — איך וויים וועגען אייך, אַז איהר זייט אַ שלעכטער בירגער, און איך האָב אייך דעריין פאַרטהיידיגט וויא איך האָב נור געקאָנט.

— וויא זשע האָט איהר מיך פערטהיידיגט?

— לויט דיא בעשולדיגונגען. איבעריגענס, ווילען מיר אפשר טרינקען טהעע? — זיא האָט זיך אויפגעהויבען און האָט גענומען אין האַנד אַן איינגעבונדענעם סאַפיאַנעם בוך.

— גיט עס מיר, אננאַ אַרקאַדיעוונא — האָט געזאָגט וואָרקויעוו אָנצייגענדיג אויפ׳ן בוך — איך זאָג, אַז דאָס איז ווערטה...

— אָ, ניין, דאָס איז אַזוי נאָך ניט בעאַרבייט.

— איך האָב איהם געזאָגט — האָט זיך סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געווענדעט צו דער שוועסטער, אָנווייזענדיג אויף לעווינען.

— אומזיסט האָסט דוא דאָס געטאָהן. מיינע שרייבעריי איז אַזאַ מין, וויא יענע קערבלעך און געשניצטע קעסטעלעך, וועלכע ליזא מערקאַלאָווא פלעגט מיר פערקויפען פון דיא טורמעס. זיא האָט אין יענער געזעלשאַפט טהעטיגער געזעלשאַפט פערוואַלטעט מיט דיא אַסטראָגען. און דיא דאָזיגע אונגליקליכע אַרעסטאַנטען פלעגען שאַפען וואונדער פון געדולד.

און לעווין האָט דערזעהען נאָך אַ נייעם שטריך אין דער דאָזיגער פרויענצימער, וועלכע איז איהם אַזוי געפעלען געוואָרען. אויסער קלוגהייט, גראַציע און שענהייט, איז אין איהר נאָך געווען וואַהרהייטליכקייט. זיא האָט פון איהם ניט געוועלט בעהאַלטען דיא גאַנצע שווערקייט פון איהר לאַגע. זאָגענדיג דאָס האָט זיא אַ זיפץ געטאָהן און איהר פּנים האָט אָנגענומען אַ שטרייגגען אויסדרוק, וויא ער וואָלט פערשטיינערט געוואָרען. מיט דעם אויסדרוק אין איהר פּנים איז זיא נאָך שעהנער געווען פון פריהער.

זיא האָט געבעטען לעווינען און וואָרקויעוען אַריינצוגעהן אין גאַסט־צימער, און אַליין איז זיא געבליבען ריידען וועגען עפּעס מיט׳ן ברודער. „וועגען גט, וועגען וורָאָנסקין, וועגען דעם וואָס ער טהוט אין קלוב, וועגען מיר“, האָט געטראַכט לעווין. און איהם האָט אַזוי געררייצט דיא פראַגע, וואָס זיא רעדט מיט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש, אַז ער האָט שוין ניט געהערט וואָס וואָרקויעוו האָט איהם דערצעהלט וועגען דיא מעלות פון דעם ראָמאַן פאַר קינדער, וועלכען אננאַ אַרקאַדיעוונא האָט אָנגעשריבען.

ביי טהעע איז פאָרטגעזעצט געוואָרען דערזעלביגער אַנגענעהמער, אינהאַלטס־פולער געשפּרעך. ניט נור איז קיין מינוט ניט געוועזן, וואָס מען זאָל דאַר־

פען זוכען א טהעמא צום ריידען, נור פאַרקעהרט, עס האָט זיך געפיהלט, אז דוא בעוויייזט ניט צו זאָגען אַלעס וואָס דוא ווילסט, און האַלסט זיך גערן צוריק כדי צו הערען, וואָס דער צווייטער זאָגט. און אַלעס וואָס מען האָט גערעדט, ניט בלויז וואָס זיא אַליין האָט גערעדט, נור אויך וואָס ווארקויעוו, סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש — אַלעס האָט ערהאַלטען, וויא לעווינען האָט זיך גערוכט, א בעזונדער וויכטיגע בעדייטונג.

נאכפאָלגענדיג דעם אינטערעסאַנטען געשפּרעך האָט לעווין דיא גאַנצע צייט געהאַט הנאה פון קוקען אויף איהר; הנאה פון איהר שעהנהייט, פון איהר שכל, פון איהר בילדונג, און צו דערזעלבער צייט איהר איינפאַכקייט און הארציג־קייט. ער האָט גערעדט, געהערט און האָט דיא גאַנצע צייט געטראַכט וועגען איהר, וועגען איהר אינערליכען לעבען, זוכענדיג צו טרעפען וואָס זיא פיהלט דורך. און ער, וועלכער האָט זיא פריהער פעראורטהיילט אזוי שטריינג, האָט איצט אָנגעהויבען צו פערטהיידיגען זיא ביי זיך אין דיא געדאַנקען און בעדויערען זיא; איהם האָט זיך געדוכט אז ווראָנסקי פאַרשטעהט זיא ניט פאָלשטענדיג. ארום עלף א זייגער, ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך אויפגעהויבען צו פאָהרען (וואָרקויעוו איז נאָך פריהער אָבגעפאָהרען) האָט לעווינען זיך אויסגעוויזען וויא ער וואָלט נור וואָס געקומען אהער. ער האָט זיך אויפגעהויבען מיט בעדויערען.

— אדיע — האָט זיא געזאָגט, אָנהאַלטענדיג זיין האנד און קוקענדיג איהם אין דיא אויגען מיט א מאַגנעטיש אנציהענדען בליק — גיט איבער אייער פרוי, אז איך ליעב זיא וויא פריהער און אויב זיא קאָן מיר ניט פערצייהען מיין לאַגע, ווינש איך איהר, אז זיא זאָל מיר קיין מאָל ניט פערצייהען. ווארום אום צו פערצייהען דאַרף מען אַליין דורכלעבען דאָס, וואָס איך האָב דורכגעלעבט און דערפון זאָל איהר גאָט אויסהיטען.

— יא, איך וועל איבערגעבען, יא, אונבעדינגט.... — האָט רויט ווערענדיג געזאָגט לעווין.

## 11.

„וואָס פאר א וואונדערליכע, ליעבליכע און ריהרענדע פרוי“ האָט גע־טראַכט לעווין ארויסגעהענדיג מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אין דער קאַלטער לופט.

— נו, וואָס? איך האָב דיר געזאָגט....

— יא, — האָט פערטראַכטערהייט געענטפערט לעווין — אַן אונגע־וועהנליכע פרוי! ניט אזוי א קלוגע, וויא א וואונדערליך הארציגע. זיא איז זעהר בעדויערנס־ווערטה!

— איצט וועט גאָט געבען און עס וועט זיך אַלעס איינאָרדנען. דאָס הייסט דאָך, אז מען טאָר פאָראויס ניט אורטהיילען — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַ־

דיעוויטש, עפענענדיג דאָס טיהרעל פון זיין קארעטע — אדיע, מיר פאָהרען דאָך אין פערשיעדענע וועגען.

ניט אויפהערענדיג צו דיינקען וועגען אננאַן און וועגען דיא געשפּרעכען, וועלכע ער האָט געהאַט מיט איהר, און עראינערענדיג זיך דערביי דעם אויסדרוק פון איהר פּנים, אַלץ מעהר אריינגעהענדיג אין איהר לאַגע און אַלץ מעהר פיהלענ־דיג מיטלייד מיט איהר, איז לעווין געקומען צופאָהרען אהיים.

---

אין דערהיים האָט קוזמא איבערגעגעבען לעווינען, אַז קאטערינא אַלעק־סאנדראָוונא זיינען געזונד, אַז ניט לאַנג זיינען דיא שוועסטער אָבגעפאָהרען, און ער האָט איהם דערלאַנגט צוויי בריעף. איין בריעף איז געווען פון פּריקאַזטשיק סאקאָלאָוו. דער אַנדערער בריעף פון זיין, לעווינס שוועסטער. סאקאָלאָוו האָט געשריבען, אַז דיא ווייץ איז שווער צו פערקויפען און ניטאָ פון וואַנען צו נעהמען געלד; דיא שוועסטער האָט אין איהר בריעף געמאַכט פאָרווירפע לעווינען וואָס ער האָט נאָך גאָרנישט אויפגעטאָהן אין איהרע אנגעלעגענהייטען.

„נו, וועלען מיר דיא ווייץ פערקויפען צו פינף מיט אַ האַלבען רובעל, אויב מען גיט ניט מעהר“ האָט לייכט בעשלאָסען לעווין דיא ערשטע פראַגע. „מערקווירדיג, וויא דיא צייט ווערט דאָ פערנומען“ האָט ער אַ טראַכט געטאָהן וועגען דעם אַנדער בריעף. און ער איז אַוועק צו קיטין. געהענדיג צו איהר, איז ער אין דיא געדאַנקען דורכגעלאָפען וויא ער האָט פערבראַכט דעם טאָג. אַלע גע־שפּרעכען פון דעם טאָג זיינען געווען אַזעלכע, אַז ווען ער וואָלט געוואָהנט צו לאַנד, וואָלט ער זיך מיט זיי קיין מאָל ניט באַשעפטיגט, און דאָ זיינען זיי געווען אַזוי אינטערעסאַנט.

ער האָט געטראָפען זיין פרוי אָן אומעטיגע, אַ ביינקענדע. דער מיטאָג מיט דיא שוועסטער וואָלט געווען גאַנץ מונטער, אויב זיי וואָלטען דערנאָך ניט געדאַרפט וואַרטען, וואַרטען און וואַרטען אויף איהם ביז זיי איז אומעטיג גע־וואָרען; דיא שוועסטער זיינען זיך צופאָהרען און זיא איז געבליבען אַליין.

— נו, און וואָס האָסט דוא געטאָהן? — האָט זיא איהם געפרעגט, קו־קענדיג איהם אין דיא אויגען, וועלכע האָבען עפּעס פערדעכטיג געגלאַנצט. זיא האָט אָבער פערשטיקט איהר אויפמערקזאַמקייט אום צו געבען איהם דיא מעגליכ־קייט אַלעס צו דערצעהלען, וויא ער האָט פערבראַכט דעם אָבענד.

— איך בין זעהר גערן געוועזען, וואָס איך האָב זיך געטראָפען מיט ווראָנ־סקין. איך האָב זיך געפיהלט זעהר איינפאַך און לייכט מיט איהם. איצט, פאַר־שטעהסט דוא, האָב איך זיך שוין מעהר ניט צוליעב וואָס מיט איהם צו בעגעג־נעגען זיך. זעהסט, מיר זאָגען אַלץ, אַז דאָס פאָלק שיכור'ט; איך ווייס ניט ווער עס שיכורט מעהר — דאָס פאָלק אָדער אונזער שטאַנד; דאָס פאָלק טרינקט לכל־הפּחות יו"ט, אָבער....

אָבער קיטין האָט ניט אינטערעסירט זיין חקירה וועגען דעם פאָלקס שיכרות. זיא האָט געזעהען, אַז ער איז רויט געוואָרען און זיא האָט געוועלט וויסען פאַר וואָס.

# אננא קאַרענינא

— נו, וואו־זשע ביסט דוא דערנאָך געווען ?

— סטיוואַ האָט מיך שטאַרק איינגעבעטען פאָהרען צו אננאַ אַרקאַדיעוונאַ.

און זאָגענדיג דאָס איז לעווין נאָך רויטער געוואָרען און זיין צווייפעל, אויב ער האָט געטאָהן גוט אָדער שלעכט, וואָס ער איז געפאָהרען, איז שוין געווען ענטשיעדען געלייזט. ער האָט דאָס ניט געטאָרט טאָהן.

קיטיס אויגען האָבען בעזונדערס אַ גלאַנץ געטאָהן, ווען ער האָט דער־מאָנט אננאַס נאָמען, אָבער זיא האָט פערשטיקט אין זיך איהר אונרוהיגקייט און האָט איהם געגאַרט.

— אַ ! — האָט זיא בלויז געזאָגט.

— דוא וועסט דאָך ברוגז זיין, פאַר וואָס איך בין געפאָהרען. סטיוואַ האָט אזוי געבעטען און דאַללי האָט אזוי געוואונשען — האָט פאָרטגעזעצט לעווין.

— אַ, ניין — האָט זיא געענטפערט ; ער האָט אָן איהרע אויגען געזעהען אַז זיא בעוועלטיגט זיך.

— זיא איז זעהר אַ ליעבליכע ; איהר איז זעהר, זעהר צו בעדויערען, זיא איז אַ גוטע פרוי — האָט ער געזאָגט דערצעהלענדיג וועגען אננאַן.

— יאַ, געוויס איז איהר צו בעדויערען — האָט געזאָגט קיטי — פון וועמען האָסט דוא דאָס ערהאַלטען בריעף ?

ער האָט איהר געזאָגט, פון וועמען, און גלויבענדיג איהר רוהיגען טאָן, איז ער אַוועק אויסטאָהן זיך.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט ער געפונען קיטי, זיצענדיג אויפ׳ן זעלבען שטוהל. ווען ער איז צו איהר צוגעגאַנגען, האָט זיא אויף איהם אַ קוק גע־טאָהן און האָט זיך צושלוכצט.

— וואָס ? וואָס ? — האָט ער געפרעגט, פאַרשטעהענדיג שוין אייגענטליך ו ו אָ ס.

— דוא האָסט זיך פערליעבט אין דער דאָזיגער עקעלהאַפטער פרוי ; זיא האָט דיך שוין בעצויבערט. איך האָב דאָס געזעהען פון דיינע אויגען. יאַ, יאַ ! וואָס־זשע קאָן דערפון זיין דער סוף ? דוא האָסט אין קלוב געטרונקען, געטרונקען, געשפיעלט און דערנאָך געפאָהרען... צו וועמען ? ניין, לאָמיר אַוועקפאָהרען... איך פאָהר מאָרגען אַוועק פון דאַנען.

לאַנג האָט ער זיא ניט געקענט בערוהיגען. ענדליך האָט זיא זיך בערוהיגט נור נאָך דעם וויא ער האָט זיך מודה געווען, אַז דאָס געפיהל פון מיטלייד צו אננאַן, צוזאַמען מיט דער ווירקונג פון׳ם וויין, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, אַלעס צוזאַמען האָט איהם אַראָבגעשלאָגען פון וועג און ער האָט זיך אונטערגע־געבען דער כיטרער ווירקונג פון אננאַן. ער וועט אָבער איצט זיא אויסמיידען. ער האָט פאַר זיך אַליין מודה געווען, אַז לעבענדיג אין מאָסקווא, איז ער פון דיא גע־שפרעכען, פון עסענעס און טרינקענעס, ניט בעשעפטיגענדיג זיך מיט קיין אַנדער זאַך, פשוט משוגע געוואָרען. ביז דריי אַ זייגער ביינאַכט האָבען זיי אזוי גערעדט, און ערשט דריי אַ זייגער געשלאָסען שלום און האָבען געקאָנט איינשלאָפען.

## 12.

נאך דעם וויא זיא האט בעגלייט דיא געסט, האט אננא אנגעהויבען ארומצוגעהן הין און צוריק איבערן צימער. אבוואהל זיא האט אונבעוואוסטערהייט א גאנצען אבענד געטאהן אלעס מעגליכע, כדי צו דרוועקען אין לעווינען דעם געפיהל פון ליעבע צו זיך (וויא זיא האט דאס געטאהן אין דער לעצטער צייט אין בעצוג צו אלע יונגע מענער) און אבוואהל זיא האט געוואוסט, אז זיא האט דאס עררייכט, אויף וויפיעל דאס איז מעגליך אין בעצוג צו א פערהייראטהען עהרליכען מענשען און אין איין אבענד, און אבוואהל ער איז איהר זעהר געפעלען (ניט קוקענדיג אויף דעם שטארקען אונטערשיעד צווישען ווראנסקין און לעווינען, פון דעם שטאנדפונקט פון א מאנספארשוין, האט זיא, אלס פרויענצימער, געזעהען אין זיי דאסזעלבע, פאר וואס קיטי האט ליעב בעקומען אי ווראנסקין, אי לעווינען), אבער וויא ער איז ארויס פון צימער האט זיא אין גאנצען אויפגעהערט טראכטען וועגען איהם.

איין און דערזעלבער געדאנק האט זיא פערפאלגט. „אויב איךווירק אזוי אויף אנדערע, אויף דעם דאזיגען ליעבענדען, פערהייראטהען מאן, פאר וואס־זשע איז ער אזוי קאלט געוועזען צו מיר?... און ניט אזוי קאלט, ער ליעבט מיך, דאס וויים איך. אבער עפעס א נייער אומשטאנד צושיידט אונז. פארוואס איז ער דעם גאנצען אבענד ניטא? ער האט געהייסען סטיוואן מיר זאגען, אז ער קאן ניט איבערלאזען יאשווינען און מוז אכטונג געבען וויא ער שפיעלט. וואס איז יאשווין — א קינד? אבער לאמיר רעכענען, אז דאס איז אמת. קיין ליגען זאגט ער קיין מאהל ניט. אבער אין דעם דאזיגען אמת ליגט נאך עפעס. ער איז גערן ווען עס מאכט זיך דיא געלעגענהייט צו ווייזען מיר, אז ביי איהם זיינען פאראן נאך אנדערע פפליכטען. איך וויים דאס און בין דערמיט איינפערשטאנען. אבער צ: וואס איז איהם נויטיג צו זוכען מיר דאס צו בעווייזען? ער וויל דאס מיר בעווייזען, אז זיין ליעבע צו מיר דארף ניט שטערען זיין פרייהייט. אבער ער האט דאך געדארפט פארשטעהן וויא שווער מיר איז דא צו לעבען, אין מאסקווע. לעב איך דען? ער האט געדארפט מיט מיר מיטלייד האבען!“ האט זיא גערעדט צו זיך, פיהלענדיג וויא טרעהרען לויפען איהר אן אין דיא אויגען.

זיא האט דערהערט א שניידענדען קלונג פון גלעקעל; ווראנסקי האט עס אנגעקלונגען און זיא האט שנעל אבגעווישט איהרע טרעהרען און האט געעפענט דעם בוך, מאכענדיג זיך וויא זיא וואלט געוועזען רוהיג.

— נו, איז דיר ניט געוועזען לאנגווייליג? — האט ער געזאגט לעבהאפט און מונטער, צוגעהענדיג צו איהר — וואס פאר א משונה׳דיגע ליידענשאפט קארטען־שפיעל איז!

— ניין, מיר איז ניט געוועזען לאנגווייליג; איך האב זיך שוין לאנג אויסגעלערנט ניט צו לאנגווייליגען זיך. דא איז געוועזען סטיווא און לעווין.

— יאָ, זיי האָבען געוועלט צו דיר פאָהרען. נו, וויא געפעלט דיר לעווין?

— זעהר. זיי זיינען ניט לאַנג אַוועק. וואָס־זשע האָט געטאָהן יאַשווין?

— ער האָט פאַרשפּיעלט זיבענצעהן טויזענד. איך האָב איהם גערופען, גערופען. ער איז שוין גאָר געווען געפאָהרען, האָט זיך אָבער אומגעקעהרט צוריק און איז איצט אַ פערשפּיעלטער.

— היינט צו וואָס־זשע ביזט דוא געבליבען? דוא האָסט געזאָגט סטיוואן, אַז דוא בלייבסט, אום אַוועקצונעהמען יאַשווינען. און דוא האָסט דאָך איהם געלאָזען.

— ערשטענס האָב איך ניט געבעטען סטיוואן דיר וואָס ניט איז זאָגען; צווייטענס, זאָג איך קיין מאָהל קיין ליגען ניט. און הויפּטזעכליך, איך האָב געוועלט פערבלייבען און בין פערבליבען — האָט ער געזאָגט אָנגעבלאָזען — אננאַ, צו וואָס איז דאָס? צו וואָס? — האָט ער געזאָגט נאָך אַ מינוט שווייגען און האָט צועפּענט זיין האַנד, האָפענדיג אַז זיא וועט אַריינלייגען אין איהר איהר האַנד.

זיא האָט זיך דערפרעהט פון דער דאָזיגער צערטליכער ווענדונג. אָבער עפּעס אַ זאָנדערבאַרע בייזע קראַפט האָט איהר ניט ערלויבט נאָכצוגעבען זיך, אַזוי וויא דיא אומשטענדען פון קאַמפּף וואָלטען עס ניט ערלויבען.

— געוויס, געוועלט פערבלייבען און פערבליבען. דוא טהוסט אַלעס וואָס דוא ווילסט. אָבער צו וואָס זאָגסט דוא מיר דאָס? צו וואָס? האַמפּערט זיך ווער דען געגען דיינע רעכטע. אָבער דוא ווילסט בלייבען גערעכט, נו, זיי גערעכט.

זיין האַנד האָט זיך פערמאַכט און זיין געזיכט האָט אָנגענומען נאָך אַן עקשנות'דיגערען אויסדרוק אַלס פריהער.

— פאַר דיר איז דאָס אַן עקשנות זאַך — האָט זיא געזאָגט גוט איינקוקענדיג זיך אין איהם — פאַר דיר איז בלויז אַ פראַגע, צו וועסט דוא בלייבען דער זיעגער געגען מיר, און פאַר מיר... — זיא האָט ווידער רחמנות בעקומען מיט זיך אַליין און האָט זיך שיער ניט צואוויינט — ווען דוא וואָלסט וויסען אום וואָס עס האַנדעלט זיך פאַר מיר! ווען איך פיהל, אַזוי וויא איצט, אַז דוא פערהאַלסט זיך צו מיר פיינדליך, יאָ, פיינדליך, ווען דוא וואָלכט וויכען דאַן וואָס דאָס בעדייט פאַר מיר! ווען דוא וואָלסט וויסען וויא נאָהענט איך בין פון אַן אונגליק אין אַזעלכע מינוטען, וויא איך האָב מורא פאַר זיך אַליין!

— און זיא האָט זיך אומגעקעהרט, בעהאַלטענדיג איהרע שלוכצען.

— אָבער וועגען וואָס רעדסט דוא דאָך? — האָט ער געזאָגט, אַ צושראָקענער פון איהר פערצווייפעלטען אויסדרוק און ווידער אָנבויגענדיג זיך צו איהר, אָננעהמענדיג און קושענדיג איהר האַנד — פאַר וואָס? זוך איך דען צייט־פערטרייב אויסען הויז? מייד איך דען ניט אויס דיא געזעלשאַפט פון פרויענצימער?

— געוויס! — האָט זיא אַ זאָג געטאָהן.

— נו, זאָג, וואָס דאַרף איך טאָהן, אַז דוא זאָלסט רוהיג זיין? איך בין פערטיג אַלעס צו טאָהן פון דיין גליק וועגען — האָט ער געזאָגט אַ גערידהרטער פון איהר פערצווייפלונג — וואָס וואָלט איך ניט געטאָהן כדי דוא זאָלסט ניט ליידען, וויא איצט, אננאַ!

— קיין זאַך ניט! קיין זאַך ניט! — האָט זיא געזאָגט — דאָס איז גאָר־

נישט. איך ווייס אליין ניט, צו דאס איז דער עלענדער לעבען, צו נערוועז.... נו, לאמיר מעהר פון דעם ניט ריידען. דערצעהל מיר, וויא זיינען געוועזען דיא רייסעס?
— האט זיא א פרעג געטאהן, זוכענדיג צו בעהאלטען דעם נצחון, וועלכער איז געוועזען אויף איהר זייט.

ער האט געבעטען אבענדברויט און האט איהר דערצעהלט דיא איינצעלהייטען וועגען דיא רייסעס, אבער אין זיין טאן, אין זיינע בליקען, וועלכע זיינען אלץ קעלטער און קעלטער געווארען, האט זיא געזעהען, אז ער האט איהר ניט פערצייהעט איהר זיעג. און ווען זיא האט זיך דערמאנט יענע ווערטער, וועלכע האבען איהר געבראכט דעם זיעג און נעמליך דיא ווערטער: „איך בין נאהענט פון א שרעקליכען אונגליק און האב מורא פאר זיך" האט זיא פערשטאנען אז דאס איז פון איהר בענוצט געווארען א געפעהרליכעס געוועהר און אז זיא וועט שוין דאסזעלביגע נאך אמאל ניט קאנען בענוצען. און געפיהלט האט זיא אבער, אז צוזאמען מיט דער ליעבע, וועלכע פערבינדט זיי, האט זיך צווישען זיי געבילדעט עפעס א גייסט פון קאמפף, וועלכען זיא האט ניט געקאנט ארויסיאגען ניט פון זיין הארצען, און נאך וויינינגער פון איהר הארצען.

## 13.

עס זיינען ניטא אזעלכע אומשטענדען, צו וועלכע א מענש זאל זיך ניט קאנען צוגעוועהנען, בעזאנדערנס ווען ער זעהט, אז אלע ארום לעבען אזוי. לעווין וואלט מיט דריי מאנאט צוריק ניט געגלויבט, אז ער וועט קאנען איינשלאפען רוהיג אין אזעלכע אומשטענדען, אין וועלכע ער איז געוועזען היינט; אז ער זאל קאנען לעבען צוועקלאז, אהן א טאלק און נאך פארלעבען מעהר וויא זיינע מיטלען ערלויבען, האבען פריינדליכע בעציהונגען מיט א מענשען, אין וועלכען זיין פרוי איז אמאל געוועזען פערליעבט און נאך פאהרען בעזוכען א פרוי, וועלכע מען קאן אנדערש ניט רופען וויא א פערלארענע. ער איז אבער געוועזען אזוי מיעד און נאך א שלאפלאזער נאכט און אויסגעטרונקענעם וויין, איז ער דאך איינגעשלאפען פעסט און רוהיג.

א זייגער פינף האט ער זיך אויפגעכאפט פון א סקריפ פון דער געעפענטער טיהר, איז אויפגעשפרונגען און האט זיך אומגעקוקט. לעבען זיין בעט איז קיינער ניט געוועזען, אבער ער האט דערהערט קיטים טריט.

— וואס?... וואס? — האט ער א פרעג געטאהן פערשלאפען — קיטי! וואס?

— גארנישט — האט זיא געזאגט צוקומענדיג מיט א ליכט אין האנד — איך האב עפעס געפיהלט אונגעזונד — האט זיא געזאגט און האט געשמייכעלט מיט א בעזונדער ליעבליכען שמייכעל.

— וואס, שוין, אנגעהויבען זיך? — האט ער צושראקען א פרעג געטאהן — דארף מען שיקען — און ער האט זיך געכאפט שנעל אנטאהן.

— ניין, ניין — האָט זיא געזאָגט שמייכלענדיג און צוהאַלטענדיג זיין האַנד — דאָס איז געוויס גאָרנישט. עס איז שוין אַריבער.

זיא האָט פערלאָשען דאָס ליכט, אַוועקגעלייגט זיך און געבליבען שטיל. איהם איז אַפילו געוואָרען אויפפאַלענד איהר איינגעהאַלטענער אטהעמען און דער אויסדרוק פון בעזונדערע צערטליכקייט און גערייצטקייט, ווען זיא האָט איהם געזאָגט: „דאָס איז גאָרנישט“, אָבער איהם האָט זיך אַזוי געוועלט שלאָפען, אַז ער איז גלייך ווידער איינגעשלאָפען. אַ זייגער זיבען האָט איהם אויפגעוועקט דיא בעריהרונג פון איהר האַנד און איהר שטילער מורמלען:

— קאָסטיא, שרעק זיך ניט. עס איז גאָרנישט. נור דוכט זיך... מען האָט געדאַרפט שיקען נאָך יעליזאַוועטא פעטראָוונאַ.

ווידער איז געוועזען אָנגעצונדען דאָס ליכט. זיא איז געזעסען אויפ׳ן בעט און האָט געהאַלטען אין האַנד איהרע שטריקעריי־אַרבייט, מיט וועלכער זיא איז געוועזען פערנומען דיא לעצטע טעג, און האָט איהם אַלץ געמורמעלט: עס איז גאָרנישט, שרעק זיך ניט.

ער איז שנעל אויפגעשפרונגען, האָט אָנגעטאָהן זיין שלאָף־ראָק און האָט ניט אַראָבגענומען פון איהר דיא אויגען. מען האָט געדאַרפט געהן, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט אָברייסען פון איהר בליק. וויא האָט ער זיא געליעבט, איהר פּנים! וויא גוט ער האָט געוואוסט איהר אויסדרוק, איהר בליק, נור אַזאַ האָט ער זיא נאָך קיין מאָהל ניט געזעהען. וויא שלעכט ער איז אויסגעקומען אין זיינע אויגען פאַר וואָס ער האָט איהר נעכטען אַזוי פיעל פערדרוס פערשאַפט!

אין איהר געזיכט איז געוועזען יענע צערטליכקייט, וועלכע האָט גערעדט צו איהם און געזאָגט איהם, אַז ניט נור מאַכט זיא איהם קיין פאָרווירפע ניט, פאַר־וואָס זיא ליידט איצט, נור ליעבט איהם פאַר דיא דאָזיגע ליידען: „אויב ניט איך, ווער־זשע דען איז שולדיג דעריין?“ האָט ער ניט ווילענדיג אַ טראַכט געטאָהן. אָבער קיין שולדיגער איז ניט געוועזען. זיא האָט געליטען, האָט זיך בעקלאָגט און האָט טריאומפירט פון דיא ליידען גופא, און זיא האָט זיי געליעבט און זיך מיט זיי געפרעהט. ער האָט געזעהען אַז עפּעס זעהר שעהנעס קומט פאָר אין איהר נשמה, אָבער וואָס — דאָס האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטעהן. דאָס איז געוועזען העכער פון זיינע בעגריפען.

— איך האָב געשיקט זאָגען מאַמאַ. און דוא פאָהר שנעלער אַריבער צו יעליזאַוועטא פעטראָוונאַ... קאָסטיא!... ניין, נישטקשה, שוין אַריבער.

זיא איז אָבגעגאַנגען פון איהם און האָט אַ קלונג געטאָהן.

— נו, איצט קאָנסט דוא געהן, פּאַשאַ קומט אַהער. מיר איז שוין בעסער

— און זיא האָט ווייטער גענומען זיך שטריקען.

אין דער צייט וואָס לעווין איז ארויס פון איין טהיר, האָט ער געהערט וויא אין דער צווייטער טיהר איז אריינגעקומען דאָס דינסט־מיידעל. ער האָט זיך אָב־געשטעלט לעבען טיהר און האָט געהערט וויא קיטי האָט געגעבען גענויע בעפעהלע דער דינסט און האָט זיך אַליין גענומען מיט איהר איבערשטעלען דיא בעט.

ער האָט זיך אָנגעטאָהן שנעל און ביז וואַנען מען האָט איינגעשפּאַנט דיא פערד איז ער ווידער אַריינגעלאָפען אין שלאָפצימער.

— איך פאָהר גלייך צום דאָקטאָר. נאָך יעליזאַוועטא האָט מען שוין געשיקט, נור איך וועל אויך אַ פאָהר טאָהן צו איהר. דאַרף מען ניט נאָך וואָס? יא, צו דאָלי? — זיא האָט אויף איהם אַ קוק געטאָהן, אפנים ניט הערענדיג וואָס ער האָט געזאָגט.

— יא, יא, געה — האָט זיא איהם געמאַכט מיט'ן האַנד.

ער איז שוין ארויסגעגאַנגען אין זאַל, ווייא עס האָט פלוצלונג זיך דערהערט אַ יאָמערענדער קרעכץ פון שלאָפצימער. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט לאַנג ניט געקאָנט פאַרשטעהן, וואָס דאָס איז.

— יא, דאָס איז זיא — האָט ער זיך געזאָגט, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָהן פאַר'ן קאָפּ און האָט גענומען לויפען אראָב דיא טרעפ.

— רבונו של עולם, האָב רחמנות! פערצייהע, העלף! — האָט ער געטענה'ט ווערטער, וועלכע זיינען אונערוואַרטעט, פלוצלונג ארויפגעקומען אויף זיינע ליפען. און ער, אַ ניט־גלויבענדער מענש, האָט ווידערהאָלט דיא דאָזיגע ווערטער ניט מיט דיא ליפען אליין. איצט, אין דער מינוט, האָט ער געוואוסט, אַז ניט בלויז אלע ספקות, נור אפילו אלעס דאָס וואָס זיין שכל לאָזט איהם ניט גלויבען, שטערט איהם ניט צו ווענדען זיך איצט צו גאָט. צו וועמען־זשע זאָל ער זיך ווענדען, אויב ניט צו  י ע נ ע ם,  אין  ו ו ע מ ע ס  הענד ער האָט געפיהלט זיך, זיין נשמה און זיין ליעבע?

דער פערד איז נאָך ניט געווען איינגעשפּאַנט, אָבער פיהלענדיג אין זיך אַ בעזונדער אנשטריינגונג אין פיזישע קרעפטען און אויפמערקזאַמקייט דערויף, וואָס ער דאַרף טאָהן, איז ער אַוועקגעלאָפען צו פוס, ניט צו פערלירען קיין מינוט און האָט געהייסען קוזמען אָניאָגען איהם.

אויפ'ן ווינקעל פון גאַס האָט ער שוין בעגעגענט דעם איילענדען נעכטליכען איזוואָזטשיק מיט אַ קליינעם שליטען, אין וועלכען עס איז געזעסען אין אַ זאַמעטענעם מאַנטעל, פערבונדען מיט אַ טוך יעליזאַוועטא פעטראָוונא. „דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט!“ האָט ער געזאָגט דערקענענדיג אַז דאָס איז זיא. ניט הייסענדיג דעם איזוואָזטשיק אָבשטעלען זיך, איז ער געלאָפען צוריק גלייך מיט'ן שליטען.

— אַ שטונדען צוויי, הייסט עס? ניט לייגנער? — האָט זיא אַ פרעג געטאָהן — איהר וועט איצט געפינען פיאָטר דמיטריעוויטשען אין דער היים, אָבער איהר דאַרפט איהם ניט איילען. און פערגעסט ניט נעהמען אין אפטייק אפּיום.

— דיינקט איהר, אַז עס קאָן זיין אָהן געפאַהר? הלואי זאָל זיך גאָט ערבאַרעמען! — האָט געזאָגט לעווין, דערזעהענדיג וויא זיין געשפּאַנטער פערד פאָהרט שוין ארויס פון טויער. ער איז ארויפגעשפּרונגען און געזעצט זיך לעבען קוזמען און געהייסען איהם פאָהרען צום דאָקטאָר.

## 14.

דער דאָקטאָר איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען און דער לאַקיי האָט געזאָגט, אַז „זיי האָבען זיך שפּעט געלייגט און געהייסען ניט וועקען, זיי וועלען באַלד אַליין אויפשטעהן.“ דער לאַקיי האָט גערייניגט דיא לאָמפּען־גלעזער און איז געווען שטאַרק בעשעפטיגט דערמיט. דיא דאָזיגע אויפמערקזאַמקייט פון דעם לאַקיי צו דיא גלעזער און זיין גלייכגילטיגקייט צו דאָס וואָס עס קומט פאָר ביי לעווינען, האָבען איהם אָנפאַנג איבערראַשט; ער האָט אָבער באַלד בעדיינקט זיך און האָט פערשטאַנען, אַז קיינער ווייס ניט און איז ניט מחויב צו וויסען זיינע געפיהלען און אַז דאַרום דאַרף ער אַלעס טאָהן רוהיג, בעטראַכט און ענטשיעדען אום דורכצוקלאַפּען דיא גלייכגילטיגע וואַנד און דערגרייכען זיין ציעל.

דערוויסענדיג זיך אַז דער דאָקטאָר איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען, איז לעווינען איינגעפאַלען פאָלגענדעס: קוזמא זאָל פאָהרען מיט אַ צעטעלע צו אַן אַנדער דאָקטאָר, אַליין וועט ער אַריבערפאָהרען אין אַפּטהייק נאָך אָפּיום, און אויב דער דאָקטאָר וועט נאָך שלאָפען ווען ער וועט קומען צוריק, דאַן וועט ער אונטערקויפען דעם לאַקיי אָדער וועט מיט גוואַלד אַליין אויפוועקען דעם דאָקטאָר אונטער אַלע אומשטענדען.

אין אַפּטייק האָט דער פּראָוויזאָר מיט דערזעלבער גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער דעם דאָקטאָר׳ס לאַקיי האָט גערייניגט דיא גלעזער, געקלעפּט אבלאַטקעס פאַר פּראָשקעס, אויף וועלכע אַ קוטשער האָט געוואַרט, און אָפּיום האָט ער זיך ענטזאָגט צו פערקויפען. לעווין האָט געזוכט רוהיג צו ערקלעהרען צו וואָס עס איז נויטיג, האָט אָנגערופען דעם דאָקטאָר, דיא אַקושערין און האָט איהם געזוכט צו איבערצייגען. דער פּראָוויזאָר האָט הינטערן ווענטעל אַ פרעג געטאָהן, אויב ער מעג אָבלאָזען אָפּיום.

ווען דער פּראָוויזאָר האָט אויף דייטש ערהאַלטען דיא צושטימונג, אַז ער מעג פערקויפען אָפּיום, האָט ער דערלאַנגט אַ קאַפּסול און האָט לאַנגזאַם אָבגעגאָסען פון אַ גרעסערער פלעשעל אין קאַפּסול, האָט אָנגעקלעפּט אַ סיגנאַטורקע, האָט פערזיגעלט, ניט קוקענדיג אויף לעווינס געבעט, אַז דאָס אַלעס איז ניט נויטיג, און האָט זיך גענומען איינוויקלען דאָס געהעריג. אָבער לעווין האָט דאָס שוין מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען, האָט ארויסגעריסען פון זיינע הענד דעם קאַפּסול און איז געלאָפען. דער דאָקטאָר איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען און דער לאַקיי האָט איהם ניט געוואָלט וועקען. לעווין האָט ארויסגענומען אַ צעהן־רובעלדיגע, האָט דערלאַנגט דעם לאַקיי, רוהיג און פּאַמעליך בעטענדיג ער זאָל אויפוועקען פּיאָטר דמיטריעוויטש, וועלכער האָט אַליין פערשפּראָכען צו זיין אין יעדע צייט ווען מען וועט איהם דאַרפען.

דער לאַקיי האָט איינגעשטימט און איז ארויפגעגאַנגען וועקען, בעטענדיג

לעווינען אויפצוציהען אין עמפּפאנגס־צימער. לעווין האָט געהערט וויא פון יענער זייט טיהר האָט געהוסט, איז ארומגעגאנגען און האָט זיך איינגעוואשען און האָט עפּעס גערעדט. עס זיינען אריבער דריי מינוט. לעווינען האָט זיך געדוכט, אז עס איז אריבער מעהר פון א שטונדע. ער האָט מעהר ניט געקענט אויסוואַרטען.

— פּיאטר דמיטריעוויטש, פּיאטר דמיטריעוויטש! — האָט ער אָנגעהויבען מיט א בעטענדער שטימע אין דער געעפענטער טיהר—אום גאָטעס ווילען, פערצייהעט מיר. נעהמט מיך אויף אזוי, אָהן צערעמאָניעס. שוין איבער צוויי שטונדען.

— באלד, באלד! — האָט לעווין געהערט א שטימע און ער האָט צו זיין איבערראַשונג געהערט אז דער דאָקטאָר זאָגט עס שמייכלענדיג.

— אויף איין מינוטעלע בלויז.

— גלייך, גלייך.

עס זיינען אריבער נאָך צוויי מינוט ביז וואנען דער דאָקטאָר האָט אָנגעטאָהן דיא קליידער און האָט פערקאמט דעם קאָפּ.

— פּיאטר דמיטריעוויטש — האָט מיט א יאָמערדיגען קול אנגעהויבען לעווין — אָבער אין דער צייט איז ארויסגעקומען דער דאָקטאָר. „קיין געוויסען האָבען דיא מענשען ניט — האָט א טראכט געטאָהן לעווין — זיי קעמען זיך גאָר. ווען מיר האלטען ביי'ם שטארבען.“

— גוט מאָרגען! — האָט ער דערלאנגט איהם דיא האנד, וויא ער וואלט מיט זיין רוהיגקייט געררייצט זיך מיט איהם—נו, איילט זיך ניט. וויא איז עס?

לעווין האָט אָנגעהויבען דערצעהלען, וועלענדיג איבערגעבען וויא געהעריג איז, אָבער האָט אריינגעמישט ניט נויטיגע איינצעלהייטען וועגען דער לאגע פון זיין פרוי, יעדע ווײלע איבעררייסענדיג זיין ערצעהלונג מיט בקשות, אז דער דאָקטאָר זאָל שוין טאקע מיט איהם פאָהרען.

— אָבער איילט זיך ניט. איהר ווייסט דאָך ניט. איך בין זיכער, אז מען דארף מיך דאָרט ניט, אָבער איך האָב פערשפּראָכען וועל אין מסתמא קומען צו־פאָהרען. זעצט זיך, זייט אזוי גוט, טרינקט א טאס קאפּע.

לעווין האָט אויף איהם אויסגעשטעלט דיא אויגען: לאכט ער דאָס פון איהם? אָבער דער דאָקטאָר האָט יאָר ניט געמיינט צו לאכען.

— איך וויים, איך וויים — האָט דער דאָקטאָר מיט א שמייכעל געזאָגט — איך בין אליין א פאַמיליען־מאַן. מיר, מענער, זיינען אין אזעלכע מינוטען דיא אונגליקליכסטע מענשען. ביי מיר איז פאַראַן א פּאַציענטין, איז איהר מאן אנט־לויפט אימער דערביי אין פערד־שטאַהל.

— אָבער וויא דיינקט איהר, פּיאטר דמיטריעוויטש? דיינקט איהר, אז אלעס קאָן אריבערגעהן כשורה?

— נאָך אלע אומשטענדען דארף זיין כשורה.

— וועט איהר גלייך קומען? — האָט געזאָגט לעווין קוקענדיג מיט כעס אויף דעם לאָקיי, וועלכער האָט דערלאנגט קאפּעע.

— אין א שטונדעלע ארום.

— ניין, אום גאָטעס ווילען!

— נו, אין א האַלבע שטונדע ארום.

— אויף עהרענ־וואָרט ?

ווען לעווין האָט זיך אומגעקעהרט אהיים, האָט ער זיך בעגעגענט מיט דער פירסטין און זיי זיינען ביידע צוגעגאנגען צו דער טיהר פון שלאָפצימער. טהרערען זיינען געווען אין דער פירסטינס אויגען. דערזעהענדיג לעווינען, האָט זיא איהם אומארעמט און האָט זיך צואווײנט, איהרע הענד האָבען געציטערט.

— נו, וואָס, הארצעלע, יעליזאַוועטא פעטראָוונא ?—האָט זיא א כאַפּ געטאָהן פאר׳ן האַנד דיא ארויסקומענדע אקושערין.

— עס געהט גוט — האָט זיא געענטפערט — רעדט איהר צו, זיא זאָל זיך לייגען. עס וועט לייכטער זיין.

פון דער מינוט אָן, וואָס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָט פערשטאַנען אום וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט לעווין זיך צוגעגרייט צו האַלטען זיך פעסט און ווירקען אויף זיין פרוי בערוהיגענד און ערמוטהיגען איהר העלדישקייט. ניט ערלויבענדיג זיך אפילו טראַכטען וועגען דעם, וואָס עס וועט זיין, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיגען, אורטיילענדיג לויט דיא ענטפערס אויף זיינע פראגען, וויפיעל דאָס דויערט געוועהנליך, האָט לעווין זיך צוגעגרייט צו דולדען און האַלטען פעסט זיין הארץ אין דיא הענד פינף שטונדען, און דאָס האָט איהם אויסגעוויזען זיך אלס מעגליך. אָבער ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דאָקטאָר און האָט ווידער דערזעהען איהרע יסורים, האָט ער אָפטער און אָפטער אָנגעהויבען ווידערהאָלען : „גאָט, פערצייהע, העלף,“ האָט געזיפצט, געהויבען דעם קאָפּ ארויף און האָט דערפיהלט א מורא, אז ער וועט דאָס ניט אויסהאַלטען, וועט זיך צוואויינען אָדער וועט ערגעץ אנטלויפען : אזוי געמאַטערט איז ער געווען. און אריבערגעגאַנגען איז בלויז איין שטונדע.

אָבער נאָך דער שטונדע איז אריבערגעגאנגען נאָך א שטונדע, צוויי, דריי אַלע פינף שטונדען און דיא לאַגע איז געווען דיזעלביגע ; און ער האָט אַלץ געליטען, ווארום וואָס האָט ער אנדערש געקאָנט מאַכען, וויא ליידען, דיינקענדיג יעדע מינוט, אז ער איז שוין דערגאנגען ביז דיא לעצטע גרענצען פון מענשליכע כחות און אז אָט־אָט וועט פּלאַצען זיין הארץ פון מיטלייד.

אָבער עס זיינען אריבער מינוטען, שטונדען און נאָך שטונדען. אַלע יענע געוועהנליכע אומשטענדען פון לעבען, אָהן וועלכע מען קאָן זיך קיין זאַך ניט פאָרשטעלען, האָבען פאר לעווינען ניט עקזיסטירט מעהר. ער האָט פערלאָרען דאָס בעוואוסטזיין פון צייט. ער האָט זיך געוואונדערט, ווען יעליזאַוועטא פעטראָוונא האָט איהם געבעטען אָנצינדען פייער הינטער דיא שירמען און ער האָט זיך דערוואוסט, אז עס איז שוין פינף א זייגער פארנאכט. וואו ער איז געווען אין דער צייט האָט ער אויך אזוי וויינינג געוואוסט, ווי ער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס איז געווען אין דער צייט. ער האָט געזעהען איהר פיבערישען פּנים, ווײלענווייז קוקענדיג אונפערשטענדליך, מיט יסורים, און ווײלענווייז שמייכלענדיג און בערוהיגענדיג. ער האָט געזעהען אויך דיא פירכטין א רויטע, אָן אנגעשטריינגטע, מיט צולאָזענע, גרויע האָאר און מיט טהרערען, וועלכע זיא האָט געשלונגען ; ער האָט געזעהען דאַללי, און דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט גערויכערט דיקע פּאַפּיראָסען,

און ליזאוועטא פעטראוונא מיט איהר פעטטען, ענטשלאפסענעם און בערוהיגענדען פנים, און דעם אלטען פירסט, וועלכער איז א פערוואלקענטער ארומגעגאנגען אין זאל. אבער וויא זיי זיינען אריין, וויא זיי זיינען ארויס, וואו זיי זיינען געווען, דאס האט ער ניט געוואוכט. ער געדיינקט, אז מען האט איהם ארומגעשיקט. איין מאהל האט מען איהם געשיקט אריבערצוטראגען פון איין פלאץ אויף דעם אנדערען דעם טיש און דעם דיוואן ; ער האט דאס מיט חשק געטאהן, מיינענדיג אז דאס איז פון איהר'ט וועגען, און דערנאך ערשט האט ער זיך דערוואוסט, אז דאס האט ער צו־געגרייט פאר זיך א פלאץ וואו צו שלאפען. דערנאך האט מען איהם געשיקט צום דאקטאר אין קאבינעט א פרעג טאהן וועגען עפעס. דער דאקטאר האט געענטפערט און האט דערנאך גאר אנגעהויבען צו ריידען וועגען אונרוהען וואס זיינען פארגע־קומען אין שטאדט־ראטה. דערנאך האט מען איהם געשיקט אין שלאפצימער צו דער פירסטין ברייננגען פון דארט א הייליגען בילד, און ער איז געקראכען מיט דער אלטער דינסט אויף אן אלמערל, אראבצונעהמען דעם הייליגען בילד פון

וואנד און האט צובראכען דערביי דאס לעמפעל און די פירסטין און די דיענסט האבען איהם בערוהיגט אי וועגען לעמפעל אי וועגען דער פרוי און ער האט גע־בראכט דעם הייליגען בילד און אוועקגעשטעלט ביי קיטין צוקאפענס, אריינרוקענ־דיג איהם צווישען קישען און ווענטעל. אבער וואו, ווען און צו וואס דאס אלעס איז נויטיג געווען, דאס האט ער ניט געוואוסט. ער האט אויך ניט פערשטאנען פאר וואס די פירסטין האט איהם גענומען פאר דער האנד און קוקענדיג אויף איהם מיט רחמנות, האט זיא זיך ביי איהם געבעטען, ער זאל זיך בערוהיגען, און דאללי האט איהם געהאלטען אין איינריידען, אז ער זאל עפעס עסען און זיא האט איהם ארויס־געפיהרט פון צימער, און אפילו דער דאקטאר האט ערנסט און מיטלייד א קוק געטאהן אויף איהם און האט פארגעשלאגען איהם טראפענס.

ער האט בלויז געוואוסט און געפיהלט, אז דאס וואס עס פאסירט, איז עהנליך צו דאס, וואס האט פאסירט מיט א יאהר צוריק אין דעם האטעל פון דער גובערנס־קער שטאדט אויף דעם טויטען־בעטעל פון זיין ברודער ניקאלאי. נור דארט איז געווען טרויער, און דאס איז שמחה. אבער ווי יענע צרה אזוי דיא שמחה, זיינען ביידע אויסערהאלב פון אלע אומשטענדען פון געוועהנליכען לעבען; זיי זיינען גע־ווען אין דעם דאזיגען געוועהנליכען לעבען עפעס ווי אן עפענונג, דורך וועלכער עס האט זיך בעוויזען עפעס העכערעס. און מיט דערזעלבער שווערקייט, מיט יסורים זיינען אנגעקומען ביידע פאסירונגען און פונקט גלייך אונבעגרייפליך זיינען זיי ביידע און ביים אריינקומען אין דאס דאזיגע הויכע, האט זיך דיא נשמה אויפגעהויבען צו אזא הויכקייט, וועלכען זיא האט אליין פריהער קיין מאהל ניט פערשטאנען און וואוהין דער פערשטאנד בעווייזט שוין ניט נאכצו־קומען נאך איהר.

„גאט, פערצייהע און העלף“, האט ער געדעט אלץ פאר זיך אהן אויפהער, ניט קוקענדיג דערויף וואס איהם איז דאס שוין לאנג געווארען אזוי פרעמד, ער האט געפיהלט, אז ער ווענדט זיך צו גאט, ווי אין דער צייט פון זיין קינדהייט און זיין ערשטער יוגענד.

אין דער דאזיגער גאנצער צייט זיינען ביי איהם געוועזן צוויי

בעזונדערע שטימונגען. איינע — ניט אין איהר אנוועזענהייט, מיט'ן דאָקטאָר וועלכער האָט גערויכערט דיקע פּאַפּיראָסען, מיט דאָללי און מיט'ן פירסט. וואו מען האָט זיך ביים טיש צו מיטאָג צורעדט וועגען דעם מיטאָג, וועגען פּאָליטיק, וועגען מאריא פּעטראָוונאס קראנקהייט און וואו לעווין האָט אויף אַ מינוט פארגעסען וואס עס קומט פאָר. און די צווייטע שטימונג — אין איהר אנוועזענהייט, ביי איהר צוקאָפּענס, וואו דאָס הארץ האָט געוואָלט צוריסען ווערען און איז דאָך ניט צוריסען געווארען פון מיט־לייד און ער האט אָהן אויפהער מתפלל געווען צו גאָט. און יעדער מאָהל ווען אין מאָמענטען פון פערגעסענהייט פלעגט זיך דערהערען פון שלאָפצימער איהר גע־שריי, פלעגט ער אריינפאלען אין זעלבען משונה'דיגען טעות, וועלכער איז איהם בעפאלען פון דער ערשטער מינוט אָן: יעדען מאָהל, ווען ער האָט דערהערט אַ גע־שריי, איז ער אויפגעשפרונגען אין איז געלאָפען פארענטפערען זיך, נור האט זיך אויפ'ן וועג דערמאָהנט, אז ער איז ניט שולדיג, אָבער ער האט געוואָלט העלפען איהר, בעשיצען זיא. אָבער קוקענדיג אויף איהר, האָט ער ווידער געזעהען אז העל־פען קען ער ניט אין איהם פלעגט אָנכאפּען אַ פּחד און ער פלעגט אָנהויבען זאָגען: „גאָט, האָב רחמנות, פערצייהע, העלף“, און וואס ווייטער זיינען אלץ שטארקער געווארען ביידע שטימונגען: דאס הייסט אלץ רוהיגער איז ער געווארען ווען ער איז ניט געווען לעבען איהר, אין גאנצען פערגעסענדיג אויף איהר, און אלץ מעהר געמאטערט איז ער געווען, ווען ער איז געווען נאָהענט פון איהר, זעהענדיג איהרע ליידען און זיין אונבעהילפליכקייט. ער פלעגט אויפשפרינגען, וועלען וואו־הין ניט איז אנטלויפען און איז געלאָפען צו איהר.

ווייל'עווייז, ווען זיא פלעגט איהם ווידער און ווידער רופען, האָט ער זי י א בעשולדיגט. אָבער דערזעהענדיג איהר אונטערטעניגליכען, שמייכלענדען פּנים און הערענדיג פון איהר דיא ווערטער: „איך האָב דיך אויסגעמאטערט“, האָט ער שוין בעשולדיגט גאָט; נור דערמאָנענדיג זיך וועגען גאָט, האָט ער גלייך אָנגע־הויבען בעטען ער זאָל איהם מוחל זיין און זאָל צו איהם גנעדיג זיין.

## .15

ער האט ניט געוואוסט צו ס'איז שפּעט, צו ס'איז פריה. אלע ליכט האָבען שוין געהאלטען אין אויסברענען. דאָללי איז נור וואס געווען אין קאבינעט און האָט פארגעלעגט דעם דאָקטאָר צוצולעגען זיך. לעווין איז געזעסען און האָט געהערט די דערצעהלונגען פון דעם דאָקטאָר וועגען אַ שארלאטאן אַ מאַגנעטיזאָר. ס'איז גע־ווען דער פּעריאָד פון אברוה, און ער האָט זיך פארגעסען, וואָס עס טהוט זיך איצט ארום איהם. ער האָט געהערט וויא דער דאָקטאָר דערצעהלט און האָט פערשטאַנען דיא דערצעהלונג. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ געשריי, וועלכער איז געווען אונ־עהנליך אויף קיין זאך. דאָס איז געווען אזא שרעקליכער געשריי, אז לעווין איז

אויפגעשפרונגען און האט מיט שרעק א קוק געטאהן פראגליך אויפ׳ן דאקטאר. דער דאקטאר האט אנגעבויגט דעם קאפ אויף א זייט, האט זיך צוגעהערט און האט בעשטעטיגענד א שמייכעל געטאהן. אלעס איז געווען אזוי אונגעוועהנליך, אז קיין זאך האט שוין לעווינען ניט איבערראשט: „מסתמא דארף זיין אזוי,“ האט ער א טראכט געטאהן און האט זיך ווידער געזעצט. אבער וועמעס געשריי איז דאס געווען? ער איז אויפגעשפרונגען און איז געלאפען אין שלאפ־צימער, איז פערבייגעגאנגען פערביי יעליזאוועטא פעטראוונא, פערביי דער פירסטין און האט זיך געשטעלט אויף זיין פלאץ צוקאפענס. דאס געשריי איז איינגעשטילט געווארען און עס איז עפעס פארגעקומען אן ענדערונג איצט. וואס — דאס האט ער ניט געזעהען און האט ניט פערשטאנען, און ער האט עס ניט געוואלט זעהען און ניט געוועלט פארשטעהען. ער האט דאס אבער געזעהען פון ליזאוועטא פעטראוונאס פנים: ליזאוועטא פעטראוונאס פנים איז געווען שטריינג, בלייך און אלץ אזוי ענטשלאסען, אבוואהל איהר באקען האבען זיך געצוקט און איהרע אויגען האבען דרינגליך געקוקט אויף קיטין. קיטיס פיבערהאפטע, אויסגעמאטערטע געזיכט און דער שטרייף האאר וואס איז געווען צוגעקלעפט צום שווייסיגען פנים, איז געווען געווענדעט צו איהם און האט געזוכט זיין בליק. איהרע אויפגעהויבענע הענד האבען געבעטען זיינע הענד. א כאפ טאהענדיג מיט איהרע שוויצענדע הענד זיינע קאלטע הענד האט זיא אנגעהויבען צו פרעסען זיי צו איהר פנים.

— געה ניט אוועק, געה ניט אוועק! איך האב קיין מורא ניט, איך האב קיין מורא! — האט זיא שנעל גערעדט.—מאמא, נעהמט דיא אוירינגלעך, זיי שטעכען מיר. האסט דוא ניט מורא? באלד, באלד, ליזאוועטא פעטראוונא....

זיא האט גערעדט שנעל, האט געוואלט א שמייכעל טאהן. אבער פלוצלונג האט זיך איהר געזיכט צוקרימט, זיא האט איהם אבגעשטויסען פון זיך.

— ניין, דאס איז שרעקליך! איך וועל שטארבען, וועל שטארבען! געה! געה! — האט זיא זיך צושריען.

לעווין האט זיך א כאפ געטאהן פאר׳ן קאפ און איז ארויסגעלאפען פון צימער. אנשפארענדיג זיך מיט׳ן קאפ אן פריטאלקע, איז ער געשטאנען אין צווייטען צימער און האט געהערט עמיצענס קוויטש, וועלכען ער האט פריהער קיין מאל אויף זיין לעבען ניט געהערט, א קוויטשען, א רעווען, און ער האט געוואוסט אז עס האט געשריען דאס, וואס פריהער איז געוועזען קיטי. ער האט שוין לאנג אויפגעהערט צו פערלאנגען א קינד. איצט האט ער דאס קינד געהאסט. ער האט איצט אפילו איהר לעבען ניט געוואונשען, ער האט בלויז געוואונשען אז אז זאל זיין א סוף צו דיא יסורים.

— דאקטאר! וואס־זשע איז דאס? וואס־זשע איז עס? מיין גאט! — האט ער געכאפט פאר׳ן האנד דעם אריינגעקומענעם דאקטאר.

— שוין א סוף — האט געזאגט דער דאקטאר, און לעווין האט עס פערשטאנען אין דעם זינען א סוף, אז זיא שטארבט.

ניט וויסענדיג וואס מיט איהם טהוט זיך, איז ער אריינגעלאפען אין שלאפצימער. דאס ערשטע האט ער דערזעהען יעליזאוועטא פעטראוונאס ערענכטען פנים. קיטיס פנים איז ניט געווען. אויף דעם פלאץ, וואו דאס דאזיגע איז

פריהער געווען, איז איצט געווען עפּעס שרעקליכעס אי לויט דעם אויסזעהען, אי לויט דיא קלאַנגען, וואָס האָבען זיך פון דאָרט ארויסגעריסען. ער איז צוגעפאַלען מיט׳ן קאָפּ צום ווענטעל פון בעט, פיהלענדיג אַז דאָס הארץ ווערט איהם צוריסען אויף שטיקער. דאָס שרעקליכע געשריי האָט ניט אויפגעהערט און איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שרעקליכער, וויא ער וואָלט דערגרייכט ביז דיא לעצטע גרענעצען פון שרעק, און איז פּלוצלונג אַנשוויגען געוואָרען. לעווין האָט זיינע אויערן ניט געגלויבט: דאָס געשריי איז שטיל געוואָרען, און עס האָט זיך געהערט אַ שטילער טומעל, אַ רויש און שנעלער אטהעמען, און איהר לעבעדיגע און צערטליכע, גליקליכע שטימע האָט געזאָגט: „אַ סוף“.

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. מיט איהרע הענד קראַפטלאָז ליגענדיג אויף דער דעקע, אונגעוועהנליך שעהן און שטיל, האָט זיא שטומערהייט געקוקט אויף איהם. האָט געוואָלט און האָט ניט געקאָנט שמייכלען.

און פּלוצלונג האָט לעווין זיך דערפיהלט אַריבערגעטראָגען פון יענער געהיימער און שרעקליכער, ניט־פון־דאַנענדיגער וועלט אין וועלכער ער האָט געלעבט דיא דאָזיגע צוויי און צוואַנציג שטונדען, צוריק אין דער פריהעריגער, געוועהנליכער וועלט, וועלכע האָט אָבער איצט געשיינט עפּעס מיט אַ נייער ליכטיגקייט פון גליק, אַז ער האָט איהם ניט געקאָנט אַריבערטראָגען. דיא אָנגעצויגענע סטרונעס האָבען געפּלאַצט. שלוכצען און טרעהרען פון שמחה, וועלכע ער האָט ניט פאָראויסגעזעהען, האָבען זיך מיט אַזאַ קראַפט אויפגעהויבען אין איהם, טרויסלענדיג זיין גאַנצען קערפּער, אַז דאָס האָט איהם אַ לאַנגע צייט געשטערט צו ריידען.

אַנידערפאַלענדיג אויף דיא קניע לעבען בעט, האָט ער געהאַלטען לעבען דיא ליפּען זיין פרויס האַנד און האָט זיא געקושט, און דיא האַנד האָט מיט אַ שוואַכער בעוועגונג פון דיא פינגער געענטפערט אויף זיינע קושען. און דערווייל האָט דאָרט צופוסען אויפ׳ן בעט, אין דיא פלינקע הענד פון יעליזאַוועטא פּעטראָוונאַ, וויא אַ פייערל אויף אַ מנורה, געצאַפּעלט זיך אַ לעבען פון אַ מענשליכעס וועזען, וועלכער איז קיין מאָהל פריהער ניט געוועזען און וועלכער וועט אויך אַזוי, מיט דעמזעלביגען רעכט, מיט דערזעלבער בעדייטונג פאַר זיך, וועט לעבען און פּרוכטבאַרען זיך אַרויסברענגענדיג עהנליכע צו זיך.

— ער לעבט! ער לעבט! און נאָך אַ אינגעלע! בעאונרוהיגט זיך ניט!— האָט לעווין געהערט יעליזאַוועטא פּעטראָוונאַס שטימע, אי: זיא האָט מיט אַ ציטעריגע האַנד געפּאַטשט דעם קינדס פּלייצקע.

— מאַמאַ, אמת? — האָט קיטיס שטימע געפרעגט.

דיא פירסטין האָט איהר געענטפערט מיט אַ כליפּען. און צווישען אַלעמענס שטילקייט האָט זיך אַלס אַן אונצווייפעלהאַפטער ענטפער אויף דער מוטערס פראַגע, דערהערט גאָר אַן אַנדער שטימע, וויא דיא שטימען, וועלכע האָבען גערעדט צוריקגעהאַלטען. דאָס איז געווען אַ דרייסטער, אַ חוצפּה׳דיגער געשריי, וועלכער האָט קיין זאַך ניט געוועלט נעהמען אין אַנבעטראַכט, אונפערשטענדליך פון וואַנען ער איז ערשיענען, אַ געשריי פון אַ נייער מענשליכער בעשעפּענעס.

פריהער, ווען מען וואָלט לעווינען זאָגען, אַז קיטי איז געשטאָרבען און אַז

ער איז געשטאָרבען מיט איהר צוזאַמען און אַז ביי זיי זיינען קינדער מלאכים, און אַז גאָט אַליין איז דאָ איצט לעבען זיי — וואָלט ער זיך אויף קיין זאַך ניט פערוואונדערען; אָבער איצט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דער וועלט פון ווירקליכקייט, האָט ער געמוזט זיך שטאַרק אָנשטריינגען צו פאַרשטעהן, אַז זיא לעבט, איז געזונד און אַז דאָס שרעקליך קוויטשענדע באַשעפענעכ איז דאָס זיין זוהן. קיטי האָט געלעבט, דיא יסורים האָבען זיך געענדיגט. און ער איז געוועזען אונענדליך גליקליך. דאָס האָט ער שוין פערשטאַנען. אָבער דאָס קינד? פון וואַנען, צו וואָס, ווער איז ער?... ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט צוגעוועהנען זיך צו דעם רעיון. איהם האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז עפּעס אַן איבעריגע זאַך, עפּעס אַ צופאַל. צו וואָס ער האָט ניט געקאָנט צוגעוועהנען זיך.

16.

אַ זייגער צעהן זיינען ביי לעווינען געזעסען דער אַלטער פירסט, סערגיי איוואַנאָוויטש און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש און ריידענדיג וועגען דער קינפּעטאָרין, האָבען זיי זיך אגב אורחא צורעדט אויף וועגען אַנדערע זאַכען. לעווין האָט זיך צוגעהערט און האָט ניט וועלענדיג געטראַכט וועגען דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען ביז דעם היינטיגען אין־דער־פריה; ער האָט זיך דערמאָהנט וואָס מיט איהם האָט זיך נעכטען געטאָהן. אַזוי וויא הונדערט יאָהר וואָלטען שוין פערלאָפען פון דאַן אָן. ער האָט זיך געפיהלט וויא אויף אַן אונערגרייכבאַרער הויכקייט. ער האָט מיט זיי גערעדט און געטראַכט האָט ער וועגען זיין פרוי, וועגען דיא איינצעלהייטען פון איהר איצטיגען צושטאַנד. דיא גאַנצע פרויען־וועלט האָט זיך פאַר איהם ערהויבען אַזוי הויך, אַז ער האָט מיט זיין פאַנטאַזיע ניט געקאָנט אומפּאַסען דיא דאָזיגע הויכקייט. זיי האָבען גערעדט וועגען נעכטיגען מאָהלצייט אין קלוב, און ער האָט געטראַכט: „וואָס מאַכט זיא איצט? וואָס טראַכט זיא? שרייט זיין זוהן דמיטרי?“ און ער איז אין מיטען געשפּרעך אויפגעשפּרונגען און איז ארויס פון צימער.

— שיק מיר זאָגען, אויב מען קאָן איצט אַריינקומען צו איהר? — האָט איהם געבעטען דער אַלטער פירסט.

אַ צוגעפּוצטע, אַ פערקאַמטע, אין אַ שעהנעם טשעפּטשיק בעפּוצט מיט בלויע לענטעס, מיט דיא הענד אויף דער דעקע איז זיא געלעגען אויפ'ן רוקען און האָט איהם בעגעגענט און צוגעצויגען צו זיך מיט איהר בליק. אויף איהר פּנים איז נאָך אַלץ געוועזען יענע ענדערונג פון ערדישעס צו ניט־ערדישעס, וויא עס איז אויף דעם פּנים פון שטאַרבענדע; נור דאָרט איז אבשיעד, דאָ קבלת פּנים. זיא האָט אָנגענומען זיין האַנד און האָט איהם געפּרעגט צו האָט ער געשלאָפען. ער איז געוועזען צונומען, האָט ניט געקאָנט ענטפערען און האָט זיך אָבגעקעהרט ווערענדיג איבערצייגט אין זיין שוואַכקייט.

— און איך האָב זיך שוין פארגעסען, קאָכטיא! — האָט זיא איהם געזאָגט — און מיר איז איצט אזוי גוט.

און פלוצלונג האָט זיך דער אויסדרוק פון איהר געזיכט געענדערט; זיא האָט דערהערט א קוויטש פון קינד.

— גיט מיר איהם, יעליזאוועטא פעטראָוונא, גיט, זאָל ער אויך א קוק טאָהן.

— נו, אָט זאָל פאפא אָנקוקען — האָט געזאָגט עליזאוועטא פעטראָוונא צוטראָגענדיג עפּעס רויטעס, זאָנדערבארעס און שאָקלענדיגעס — ווארט, ווארט, מיר וועלען זיך פריהער אויספוצען — און זיא האָט דאָס אוועקגעלייגט אויף דער בעט, האָט אָבגעוויקעלט און פארוויקעלט, א קעהר טאָהנדיג איהם מיט איין פינגער און בעשיטענדיג מיט עפּעס.

לעווין האָט געקוקט אויף דאָס קליין נפש'ל, האָט אומזיסט זיך אָנגעשטריינגט צו געפינען ביי זיך אין הארצען וועלכע ניט איז פאָטערליכע געפיהלען צו דאָס דאָזיגע נפש'ל. ער האָט געפיהלט בלויז אָבעקלונג. אָבער ווען פאר איהם האָט א בלאנק געטאָהן דאָס נאקעטע קערפּערל, די דינענקע הענדעלאך און די זאפרען־רויטע פיסעלאך מיט פינגערלאך און אפילו שוין מיט דעם גראָבען פינגערל, וועלכער האָט זיך אָבגעצייכענט פון די אנדערע, האָט איהם עפּעס אָנגענומען אזוי ביים הארצען, אזא רחמנות און אזא פּחד צו דעם דאָזיגען נפש'ל, אז ער האָט מורא געהאט זיא זאָל איהם ניט וועה טאָהן קעהרענדיג איהם מיט איהר פינגער און ער האָט א כאפּ געטאָהן צוהאלטען איהר האנד.

ליזאוועטא פעטראָוונא האָט זיך צולאכט.

— האָט קיין מורא ניט, האָט קיין מורא ניט! א פרעכטיגער אינגעלע.

לעווין האָט מיט פערדרוס זיך אָבגעזיפצט. דאָס פרעכטיג קינד האָט אין איהם ערוועקט בלויז א געפיהל פון אבשטויס. דאָס איז געווען גאָר ניט יענעס געפיהל, וועלכען ער האָט ערווארט. ער האָט זיך אָבגעקעהרט, ווען ליזאוועטא פעטראָוונא האָט איהם צוגעלייגט און צורעכט געמאכט לעבען דער אונגעוועהנטער ברוסט.

פלוצלונג האָט א געלעכטער געצוואונגען לעווינען אויפהויבען דעם קאָפּ. דאָס האָט זיך קיטי צולאכט. דאָס קינד האָט זיך גענומען פאר דער ברוסט.

— גענוג, גענוג! — האָט געזאָגט יעליזאוועטא פעטראָוונא, אָבער קיטי האָט איהם ניט געלאָזען צונעהמען פון זיך. ער איז אנטשלאָפען געוואָרען אויף איהרע הענד.

— גיב איצט א קוק — האָט געזאָגט קיטי א קעהר טאָהנ'דיג צו איהם דאָס קינד, אז ער זאָל איהם קאָנען זעהען. דאָס צוקנייטשטע פּנים'על האָט זיך נאָך מעהר צוקנייטשט, און דאָס קינד האָט א ניס געטאָהן.

שמייכלענדיג און קוים האלטענדיג די טרעהרען פון גערירהטקייט, האָט לעווין א קוש געטאָהן זיין פרוי און איז ארויס פון דעם דונקעלען צימער.

## 17

סטעפאן ארקאדיעוויטשעס געשעפטען זיינען געווען אין זעהר א שלעכטער לאגע. דיא צווייטע דריטעל פון'ם געלד פאר'ן וואלד האט ער שוין פערלעבט און ער האט שוין ביים סוחר פערכאפט אויף דעם דריטען דריטעל פאר'ן טערמין און האט איהם געלאזט אברעכענען דערפאר צעהן פראצענט. ער איז דערגאנגען אזוי וויט, אז דאריא אלעקסאנדראווגא האט זיך ענטזאגט אונטערצושרייבען דעם קאנטראקט פאר ערהאלטונג פון וויי‌טערע געלד פאר דעם איבעריגען דריטעל פון איהר פערמעגען. דיא לאגע איז געווען א קריטישע, לחלוטין קיין געלד ניט געווען.

„אזוי קאן דאס ווייטער ניט געהען,“ האט זיך געטראכט סטעפאן ארקאדיעוויטש. זיין שטעלע, וועלכע האט מיט פינף יאהר פריהער גערעכענט זיך פאר א גוטער, איז שוין איצט ניט דאס. דיא שכירות זיינען צו ווייניג. אט איז פעטראוו א באנק־דירעקטאר און בעקומט 12,000 א יאהר; סוועגטיצקי — א מיטגליעד פון אן אקציען־געזעלשאפט מיט א געהאלט פון 17,000; מיאטין האט געגרינדעט א באנק און בעקומט א געהאלט פון גאנצע 50,000; „אפנים איך האב פערשלאפען און מען האט אויף מיר פערגעסען,“ האט זיך געטראכט סטעפאן ארקאדיעוויטש. און ער האט אנגעהויבען צוצוהערען זיך און צוצוקוקען זיך און האט צו ענדע ווינטער געווארפען אן אויג אויף איין שטעלע, זעהר א גוטע, און ער האט זיך אין איהר אנגעהויבען צו ציעלען מיט דער הילף פון טאנטעס, אנקעלס, פריינד, און איז ענדליך אליין צוליעב דעם געפאהרען קיין פעטערסבורג. דאס איז געווען דיא שטעלע אלס מיטגליעד פון דער קאמיססיאן פון דער פעראייניגטער אגענטור פון דער קרעדיט־באלאנס געזעלשאפט פון דער זיד־אייזענבאהן און באנק־אינסטיטוציאנען. דיא דאזיגע שטעלע, וויא אלע אזעלכע, האט געפאדערט אזוי פיעל וויסען, קענטנים און טהעטיגקייט, וועלכע זיינען געווען שווער צו פעראייניגען אין איין מענשען. נור אזוי וויא א מענשען, וועלכער זאל בעזיצען דיא אלע קענטניסען פון דער זאך, איז ניט געווען מעגליך צו געפינען, איז דאך געווען בעסער, אז אזא אמט זאל בעקליידען אן ארדענטליכער מענש, איידער ניט אן ארדענטליכער. און אזוי וויא סטעפאן ארקאדיעוויטש איז געווען אן ארדענטליכער מאן אין דעם זינען, וויא דער ווארט ארדענטליך ווערט געברויכט אין מאסקווע, ווען מען זאגט: אן ארדענטליכער טהוער, אן ארדענטליכער שרייבער, אן ארדענטליכער זשורנאל, וואס עס בעדייט ניט בלויז דאס, וואס אזא מענש, אדער אזא טהוער, אזא זשורנאל זיינען ניט אונעהרליך, נור אז זיי זיינען פעהיג א שטאך טהאן דיא רעגיערונג, ווען מען דארף — האט ער זיך געפאסט פאר אזא פלאץ און האט זיך גערעכענט אלס בערעכטיגט צו דער דאזיגער אמט.

דיא דאזיגע שטעלע האט געדארפט איינברייננגען פון זיעבען ביז צעהן

טויזענד רובעל א יאָהר. אָבלאָנסקי האָט געקאָנט פארנעהמען דיא שטעלע, ניט אוועקוואַרפענדיג זיין רעגיערונגס־שטעלע. אָבגעהאַנגען איז דאָס פון צוויי מיניסטערסטוואָס, פון איין דאַמע און פון צוויי אידען, און די אַלע מענשען האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געדאַרפט זעהען אין פּעטערסבורג. אויסער דעם האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש פערשפּראָכען זיין שוועסטער אננאַ, אַז ער וועט זיין אין פּעטערסבורג און וועט זיך דערשלאָגען אַן ענטשיעדענעם ענטפער וועגען גט. און אויסבעטענדיג ביי דאַללי פונפציג רובעל אויף דער רייזע, איז ער געפאָהרען קיין פּעטערסבורג.

זיצענדיג ביי קאַרעניגען אין קאַבינעט און הערענדיג זיין פּראָיעקט וועגען דיא אורזאַכען פון דעם שלעכטען צושטאַנד פון דיא רוסישע פינאַנסען, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש צוגעהיט דיא פּאַסענדע מינוט, ווען ער וועט ענדיגען, אום אָנצוהויבען מיט איהם וועגען זיינע אייגענע אנגעלעגענהייטען און וועגען אַננאַס.

— אך, יא — איך האָב טאַקע דיך געוואָלט בעטען ביי געלעגענהייט — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש — ווען דוא וועסט זיך זעהען מיט פּאמארסקין, פּאַררעדען אַ ווערטעל וועגען מיר, וועגען דעם, אַז איך וואָלט זעהר וועלען בעקליידען דיא שטעלע, וועלכע האָט זיך געעפענט אַלס מיטגליעד פון דער קאָמיסיאָן פון דער אַגענטור קרעדיט־געזעלשאַפט פון זידליכער אייזענבאַהן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פונאַנדערגעפרעגט, אין וואָס עס בעשטעהט דיא טהעטיגקייט פון דער דאָזיגער נייער קאָמיססיאָן. אָבער אַזוי וויא דיא טהעטיגקייט פון דער נייער איינריכטונג איז געווען זעהר אַ קאָמפּליצירטע און איהרע פּראָעקטען זיינען געווען זעהר גרויסע, האָט ער מיט אַמאָל ניט געקענט בעדיינקען, אויב דאָס איז אין איינקלאַנג מיט זיינע אייגענע פּראָיעקטען אָדער ניט.

— געוויס, איך קאָן איהם זאָגען; אָבער צו וואָס אייגענטליך ווילט זיך דיר האָבען אַזאַ אַמט?

— גוטעס געהאַלט, ביז נייען טויזענד אַ יאָהר, און מיינע מיטלען זיינען....

— נייען טויזענד — האָט ווידערהאָלט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און האָט זיך אָנגעוואָלקענט.

דיא הויכע סומע פון געהאַלט האָט איהם דערמאָנט אַז דאָס איז עפּעס וואָס איז געגען זיינע רעגיערונגס־פּלענער, וועלכע בעצוועקען עקאָנאָמיע אין אַלעם.

— איך געפין איין, און איך האָב וועגען דעם אויסגעאַרבייט אַ שריפט, אַז אין אונזער צייט זיינען אַזעלכע אונגעהייערע שכירות אַ סימן פון אַ פאַלשער עקאָנאָמישער סיסטעמע פון אונזער פערוואַלטונג.

— וויא־זשע דען ווילסט דוא? — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש

— נו, לאָמיר זאָגען, אַ דירעקטאָר פון באַנק בעקומט צעהן טויזענד, איז ער דאָך ווערטה. אָדער אַן אינזשינער בעקומט צוואַנציג טויזענד. אַ לעבעדיגע טהעטיגקייט, טראַכט וויא דוא ווילסט.

— איך רעכען אַז געהאַלט איז בעלוינונג פאַר וואַארע און דאָס דאַרף זיין אונטערוואַרפען דעם געזעץ פון אנבאָט און פאָדערונג. און ווען ניט, דאַן איז

דאָס א מיסברויכונג וועלכע רופט זיך זעהר שעדליך אָב אויף דער רעגיערונג. איך רעכען....

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט האסטיג איבערגעשלאָגען דעם שוואָגער.

— יא, אָבער דוא מוזט דאָך צוגעבען, אז דאָס עפענט זיך א נייע, ניצליכע איינריכטונג. וויא דוא ווילכט, אָבער דאָס איז דאָך א ניצליכע איינריכטונג! און דיא הויפט זאך איז דאָס, וואָס מען פערלאנגט, אז דיא זאך זאָל ווערן אָרדענטליך געפיהרט. און דוא ווערסט מיר טאָהן א גרויסע געפעליגקייט ווען דוא ווערסט פעררעדען א פּאָאר ווערטער פאר פּאמארסקין. אזוי, ווען עס וועט קומען צו רייד.

— אָבער דאָס הענגט דאָך מעהר אָב פון באלגארינאָווען, דוכט זיך — האָט געזאָגט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש.

— באלגארינאָוו איז פון זיין זייט פאָלשטענדיג איינשטימיג — האָט געזאָגט סטעפאן ארקאדיעוויטש רויט ווערענדיג.

סטעפאן ארקאדיעוויטש איז רויט געוואָרען ביי דער דערמאָנונג וועגען באלגארינאָווען, ווארום ערשט היינט אין־דער־פריה איז ער געוועזען ביי דעם אידען באלגארינאָוו, און דער בעזוך האָט אין איהם איבערגעלאָזען זעהר אן אונאנגענעהמע עראינערונג.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט אויף זיכער געוואוסט, אז דיא זאך, אין וועלכער ער האָט געוואָלט איצט אריינטרעטען, איז א נייע, לעבהאפטע און עהרליכע אונטערנעהמונג. אָבער היינט אין־דער־פריה, ווען באלגארינאָוו האָט איהם, אפנים מיט א כיון, געצוואונגען צו ווארטען ביי איהם אין עמפפאנגס־צימער צוזאמען מיט אנדערע בעטער גאנצע צוויי שטונדען, איז איהם עפּעס געוואָרען פלוצלונג אונאנגענעהם.

צו דערפאר איז איהם געוואָרען אונאנגענעהם, וואָס ער, וועלכער שטאמט פון דיא ריוריקס, דארף ווארטען צוויי שטונדען ביז א זשיד זאָל איהם עמפפאנגען, אָדער דאָס, וואָס צום ערשטען מאָהל אין זיין לעבען האָט ער אָבגעטראָטען פון דעם וועג פון זיינע אבות, און האָט זיך געוואָלט נעהמען עפּעס גאָר פאר א נייע מין אמט, אָבער אונבעקוועם האָט ער זיך אָנגעהויבען פיהלען. אין דיא דאָזיגע צוויי שטונדען ווארטענדיג ביי באלגארינאָווען אין עמפפאנגס־צימער, ווען ער איז ארומגעגאנגען לעבעדיג הין און צוריק, צוציהענדיג זיינע באקענבארדען, האָט ער געטראכט, וואָס פאר א קאלאמבור ער זאָל קאָנען דערצעהלען פון דעם דאָזיגען פאל, וויא ער האָט געווארט ביי דעם זשיד.

אָבער ער איז דיא גאנצע צייט געוועזען אין פערדרוס און האָט זיך געפיהלט זעהר אונבעקוועם, אליין ניט וויסענדיג בעשטימט פאר וואָס: צו דערפאר, וואָס עס האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען פון דעם קאלאמבור: „אימעל דיעלאָ דאָ זשידא, אי יא דא'זשידא'לסיא" אָדער פון עפּעס אנדערעס. ווען באלגארינאָוו האָט איהם ענדליך עמפפאנגען, העפליך אויפגענומען, אפנים הנאה האָבענדיג פון זיין ערנידריגונג, און האָט איהם כמעט ענטזאגט, האָט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזוכט וואָס שנעלער צו פערגעסען וועגען דעם, און בלויז איצט האָט ער זיך דערמאָנט און איז רויט געוואָרען.

## 18.

— נו, איצט האָב איך נאָך אַ געשעפט, און דו ווייסט וואָס דאָס איז.... וועגען אננאַן.

ווי נור אבלאָנסקי האָט ארויסגערעדט דעם נאָמען אַננאַ, האָט זיך אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטשעס פּנים אין גאַנצען געענדערט; אנשטאָט דער פריהערדיגער לעבעדיגקייט, האָט זיין פּנים איצט אויסגעדריקט מיעדקייט און טויטקייט.

— וואָס אייגענטליך פערלאַנגט איהר פון מיר? — האָט ער אַ פרעג געטאָהן פערמאַכענדיג זיין פאַנסנע.

— אַן ענטשיידונג, אַ װעלכע ניט איז ענטשיידינג, אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש. איך ווענד זיך צו דיר איצט („ניט וויא צו אַ בעליידיגטען מאַן“, האָט ער געוועלט זאָגען, אָבער ער האָט זיך פערכאַפּט און געזאָגט) ניט וויא צו אַ רעגיערונגס-מענשען (און דאָס האָט זיך גאָרניט געפּאַסט) נור איינפאַך וויא צו אַ מענשען, וויא צו אַ גוטען מענשען און אַ קריסטען. דו דאַרפסט אויף איהר רחמנות האָבען — האָט ער געזאָגט.

— דאָס הייסט, אין וואָס אייגענטליך? — האָט שטיל געזאָגט קארענין.

— יא, רחמנות האָבען אויף איהר. ווען דו וואָלסט זעהען אזוי וויא איך — איך האָב פערבראַכט מיט איהר דעם גאַנצען ווינטער — וואָלסט דו אויף איהר רחמנות האָבען. איהר לאַגע איז שרעקליך, טאַקע שרעקליך.

— איך האָב געמיינט — האָט געענטפערט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש מיט זיין קוויטשעדיגע שטימע — אַז אננאַ ארקאַדיעוונאַ האָט אַלעס דאָס, וואָס זיא האָט פערלאַנגט.

— אַך, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אום גאָטעס ווילען, וואָס עס איז געוועזען, איז געוועזען און דו ווייסט דאָך וואָס זיא ווינשט איצט און וואָס זיא ערווארט — אַ גט.

— אָבער איך האָב דאָך גערעכענט, אַז אננאַ ארקאַדיעוונאַ ענטזאַגט זיך פון אַ גט, אויב איך פאָדער, אַז דער זוהן זאָל בלייבען מיט מיר. איך האָב דאָך אזוי געענטפערט, און האָב געמיינט, אַז די זאַך איז שוין געענדיגט. יעדענפאַלס רעכען איך דאָס אַלס געענדיגט — האָט אַ קוויטש געטאָהן אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש.

— אָבער אום גאָטעס ווילען, זיי ניט אזוי צוהיצט — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, אָנריהרענדיג זיין שוואָגערס קניע — די זאַך איז נאָך ניט געענדיגט. ווען איהר האָט זיך צושיידט ביסט דו געוועזען אזוי גרויסמוטהיג; דו האָסט איהר אָוועקגעגעבען אַלעס — פרייהייט, אפילו אַ גט פערשפּראָכען. זיא האָט דאָס אָבגעשעצט. ניין, דו בעטראַכט. ווירקליך אָבגעשעצט. זיא האָט זיך

פון אַלעס ענטזאַגט. אָבער די צייט האָט געוויזען אַז דאָס קאָן אַזוי ניט בלייבען, איהר לאַגע איז אַ פּיינליכע, אַן אונמעגליכע.

— אַננאַ אַרקאַדיעוונאַס לעבען קאָן מיך ניט אינטערעסירען — האָט איבערגעשלאָגען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אויפהויבענדיג די ברעמען.

— ערלויב מיר ניט צו גלויבען — האָט איהם ווייך ווידערשפּראָכען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש — איהר לאַגע איז אַן אָבקומענעס פאַר איהר און ברייגנט קיין אַנדערן אַבסאָלוט קיין נוצען ניט. דו וועסט זאָגען, זיא האָט דאָס כשר פערדיענט. זיא ווייס דאָס און בעט דיך ניט. זיא זאָגט אָפען, אַז זיא וואַגט ניט צו בעטען עפּעס פון דיר. אָבער איך, מיר אַלע איהרע פערוואַנדטע, אַלע וואָס ליעבען זיא, מיר בעטען פון דיר, מיר בעטען, אַז דו זאָלסט אויף איהר רחמנות האָבען. נו, פאַר וואָס מאַטערט זיא זיך? וועמען איז דערפון בעסער?

— ערלויבט נור, איהר שטעלט מיך, דוכט זיך, אין דער לאַגע פון אַן אָנגעקלאָגטען — האָט אַ זאָג געטאָהן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— אַך, ניין, ניין, אָבער גאָר ניט אַזוי, דו פאַרשטעה מיך — האָט ווידער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אָנגעריהרט איהם, אַזוי וויא ער וואָלט רעכענען אַז זיין בעריהרונג וועט דעם שוואָגער ווייכער מאַכען — איך זאָג נור איינס: איהר לאַגע איז אַן אָבקומעניש און דו קאָנסט איהר לייכטער מאַכען און דו זאָלסט דערביי גאָרנישט פערלירען. איך וועל דאָס דיר אַזוי איינאָרדנען, אַז דו וועסט גאָרנישט באַמערקען. דו האָסט דאָך אַליין פערשפּראָכען.

— — דאָס פאַרשפּרעכען איז געגעבען געוואָרען פריהער. און איך האָב גערעכענט, אַז די פראַגע וועגען זוהן האָט די זאַך געענדיגט. אויסער דעם, האָב איך גערעכענט, אַז ביי אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ וועט זיך געפינען גרויסמוטה גענוג...— האָט מיט שווערע מיה, מיט ציטערענדע ליפּען אַרויסגערעדט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש בלייך ווערענדיג.

— זיא פערטרויט אין אַלעס אויף דיין גרויסמוטה. זיא בעט דיך, זיא טהוט תפילה צו דיר וועגען איין זאַך — אַרויספיהרען זיא פון דער אונמעגליכער לאַגע, אין וועלכער זיא געפינט זיך. זיא בעט שוין ניט דעם זוהן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, דו ביסט אַ גוטער מענש. גיב אויף איין מאָמענט אַריין אין איהר לאַגע. די פראַגע פון גט איז פאַר איהר איצט, אין איהר לאַגע, אַ פראַגע פון לעבען אָדער טויט. אָט זיצט זיא די גאַנצע צייט אין מאָסקווע און וואַרט, וואָרום דו האָסט דאָך פערשפּראָכען. זיא זיצט אין מאָסקווע, וואו יעדע בעגעגעניש מיט וועמען איז פאַר איהר וויא אַ מעסער אין האַרצען. דאָס איז דאָך אַלץ איינס, וויא מען זאָל אַ פעראורטהיילטען האַלטען מאָנאַטען לאַנג מיט אַ פּעטליע אויף דער האַלז, פאַרשפּרעכענדיג, אַז עס קאָן מעגליך זיין מען זאָל איהם בעגנאַדיגען און מעגליך, אַז דער טויט. האָב רחמנות; איך נעהם זיך דיר אָן, אַז איך וועל דאָס אַזוי איינאָרדנען....

— ניט וועגען דעם רייד איך — האָט מיט אַבשטויס איהם איבערגעשלאָגען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש — אָבער עס קאָן זיין, אַז מיין פערשפּרעכען איז געווען אַזאַ, אַז איך האָב עס גאָר קיין רעכט ניט געהאַט צו פאַרשפּרעכען.

— הייסט דאָס, אַז דו ענטזאגסט אין דאָס, וואָס דו אַליין האָסט פער־שפּראָכען?

— איך האָב קיין מאָל ניט ענטזאגט צו טאָהן דאָס וואָס איז מעגליך, אָבער איך וויל האָבען צייט נאכצודענקען, אויף וויפיעל מיין פערשפּרעכען איז מעגליך אויסצופיהרען.

— ניין, אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש — האָט געזאָגט אבלאנסקי אויפ־שפּרינגענדיג — איך קאָן אויף דיר אזא זאך ניט גלויבען.

— איך האָב געזאָגט, אויף וויפיעל מיין פערשפּרעכען איז מעגליך. דו ביסט א מענש מיט פריי געזינונגען. אָבער איך בין א גלויבענדער, און איך קאָן אין אזא אַנגעלעגענהייט ניט האַנדלען געגען דיא קריסטליכע געבאָט.

— אָבער אפילו ביי אונז, אין דיא קריסטליכע געזעלשאַפטען, אויף וויפיעל איך ווייס ווערט דאך א גט צוגעלאָזען. אונזער קירכע דערלאָזט אויך אין געוויסע פעלע גט'ן. און מיר זעהען...

— אָבער ניט אין דעם זינען.

— אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש, איך דערקען דאך דיך ניט — האָט גע־זאָגט אבלאנסקי נאָך א ווײַלע שווייגען — האָסט דו דען אַליין ניט אַלעס פער־צייהעט, זייענדיג בעוועגט פון קריסטליכען געפיהל, ביסט פערטיג געווען אפילו אַלעס צו אָפּפערן? האָסט דאך אַליין געזאָגט: גיב אוועק דעם ראָק, ווען מען נעהמט דיין העמד, און איצט....

— איך בעט אייך — האָט זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט אַלעקסיי אַלעק־סאנדראָוויטש און זיינע באקען האָבען געציטערט — איך בעט אייך אויפהערען, אויפהערען, דעם דאָזיגען געשפּרעך.

— אך, ניין, נו פערצייהע מיר אויב איך האָב דיר פערוּרזאכט עגמת נפש — האָט אין פערלעגענהייט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, פערלאַנגענדיג זיין האַנד — אָבער פון דעסטוועגען אַלס א שליח גיב איך דיר איבער דיא שליחות.

אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש האָט איהם דערלאַנגט דיא האַנד, האָט א ווײַלע א טראַכט געטאָהן און האָט געזאָגט:

— איך דאַרף דאָס בעטראַכטען און א זוך טהון, וויא עס ווערט אָנגעוויזען. איבערמאָרגען וועל איך אייך געבען אַן ענטשידענעם ענטפער.

19.

סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט שוין געוועלט אוועקגעהן, ווען דער לאַקיי. קאַרניי, איז אַריינגעקומען מיט א מעלדונג:

— סערגיי אַלעקסייעוויטש!

— ווער איז דאָס דער סערגיי אַלעקסייעוויטש — האָט געוועןן אָנגעהויבען א פרעג טאָהן סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט.

— אַך, סעריאָזשא — האָט ער געזאָגט. „סערגיי אַלעקסייעוויטש. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט. אננא האָט מיך טאַקע געבעטען זעהען סעריאָזשאַן״ האָט ער זיך איצט דערמאָנט.

און ער האָט זיך עראינערט איצט דעם רחמנות׳דיגען אויסדרוק, מיט וועל־כען אננאַ האָט איהם געזאָגט: „דוא וועסט דאָך פון דעסטוועגען איהם זעהען. ערקונדיג זיך גענוי וואָס ער מאַכט, וואו ער איז, ווער איז מיט איהם. און כטיווא... אויב דאָס וואָלט געווען מעגליך! עס איז דאָך מעגליך, ניט וואַהר?״ סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט פערשטאַנען, וואָס עס האָט בעדייט דער „אויב מעגליך״, אויב עס וואָלט געווען מעגליך אַזוי איינאָרדנען דעם גט, אַז דער זוהן זאָל זיין ביי איהר... איצט האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזעהען, אַז וועגען דעם איז גאָר ניטאָ וואָס צו קלעהרען. אָבער פון דעסטוועגען וואָלט ער גערן זיין זעהען דעם פּלימעניק.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דערמאָנט דעם שוואָגער, אַז מיט׳ן זוהן רעדט מען גאָר נישט וועגען דער מוטער, און אַז ער בעט איהם אויך ניט דערמאָנען פאַר איהם קיין וואָרט וועגען איהר.

— ער איז געווען זעהר קראַנק נאָך יענעם מאָהל, ווען דיא מוטער האָט איהם בעזוכט; מיר האָבען דאָס ניט פאָראויסגעזעהען — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש — מיר האָבען זאָגאַר מורא געהאַט פאַר זיין לעבען. איך האָב איצט, לויט דער עצה פון דאָקטאָר אַריינגעגעבען איהם אין שוהל. און ווירק־ליך, דיא ווירקונג פון דיא חברים איז געווען זעהר אַ גוטע פאַר איהם, און ער איז פאָלשטענדיג געזונד געוואָרען און לערענט זיך זעהר גוט.

— עהע, וואָס פאַר אַ יונג ער איז געוואָרען! און דאָס איז שוין ניט סעריאָזשא, נור אַ גאַנצער סערגיי אַלעקסייעוויטש! — האָט שמייכלענדיג אַ זאָג געטאָהן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש דערזעהענדיג דעם לעבהאַפטען און פריי אַריינקו־מענדען שעהנעם ברייט־פּלייציגען אינגעל אין אַ בלויען מונדיר און לאַנגע הויזען. דער אינגעל האָט אויסגעזעהען געזונד און מונטער. ער האָט זיך פערנייגט און דערקענענדיג דעם אָנקעל איז ער רויטלעך געוואָרען.

דער אינגעל איז צוגעגאַנגען צום פאטער און האָט איהם געוויזען דיא מיינונגען, וועלכע ער האָט בעקומען אין שוהל.

— נו, דאָס איז גוט — האָט געזאָגט דער פאָטער — קאָנסט געהן.

— ער איז מאַגערער געוואָרען, איז אויסגעוואַקסען, האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קינד, און איז געוואָרען אַ אינגעל; איך האָב דאָס אַזוי ליעב — האָט גע־זאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש — געדיינקסט דוא מיך, סעריאָזשא?

דער אינגעל האָט האַסטיג אַ קוק געטאָהן אויפ׳ן פאָטער.

— איך געדיינק, מיין אָנקעל — האָט ער געענטפערט מיט אַ בליק אויפ׳ן אָנקעל און האָט גלייך ווידער אַרונטערגעלאָזען דיא אויגען.

— נו, וויא געהען דיא געשעפטען? — האָט דער אָנקעל אַ פרעג געטאָהן, וועלענדיג ריידען מיט איהם און ניט וויסענדיג וואָס צו זאָגען.

דער אינגעל איז רויט געוואָרען און האָט לאַנגזאַם געצויגען זיין האַנד פון דעם אָנקעלס האַנד, וועלכע האָט זיא געהאַלטען. וויא נור דער אָנקעל האָט

אַרויסגעלאָזען זיין האַנד, האָט ער אַ שאָס געטאָהן אַרויס פון צימער, וויא אַ פויגעל, וועלכען מען האָט אַרויסגעלאָזען פון שטייג.

אַ יאָהר איז אַריבער שוין פון דאַן אָן, זינט סעריאָזשא האָט צום לעצטען מאָהל געזעהען זיין מוטער. פון דאַן אָן האָט ער קיין מאָהל וועגען איהר ניט געהערט. און אין דעם דאָזיגען יאָהר האָט מען איהם אָבגעגעבען אין שוהל, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט חברים און האָט זיי ליעב בעקומען. יענע טרוימערייען און עראינערונגען וועגען דער מוטער, וועלכע האָבען נאָך זיין מוטערס בעזוך איהם קראַנק געמאַכט, האָבען איהם שוין איצט ניט בעשעפטיגט. ווען אַזעלכע געדאַנקען פלעגען איהם אַרויפקומען אויפ'ן זינען, האָט ער זיך געגעבען דיא מיה אָבצוטרייבען זיי פון זיך, רעכענענדיג זיי פאַר ניט פּאַסיג פאַר זיך; זיי פּאַסען בלויז פאַר קליינינקע מיידעלעך; אָבער ניט פאַר אַ אינגעל, וואָס איז שוין אַ חבר. ער האָט געוואוסט, אַז צווישען פאָטער און מוטער איז געווען אַ קריעג און ער האָט געוואוסט אַז עס איז בעשלאָסען געוואָרען, ער זאָל בלייבען ביים פאָטער, און ער האָט געזוכט צו־צוגעוועהנען זיך צו דעם געדאַנק, אַז אַזוי איז דאָס.

דערזעהענדיג דעם אָנקעל, וועלכער איז אַזוי עהנליך צו זיין מוטער, איז איהם געוואָרען אונאַנגענעהם, ווארום דאָס האָט אין איהם אַרויסגערופען אַקוראַט יענע עראינערונגען, וועלכע ער האָט גערעכענט פאַר ניט פּאַסיג שוין פאַר זיינע יאָהרען. דאָס איז איהם נאָך געוואָרען בעזונדער אונאַנגענעהם דערפאַר, ווייל אורטהיילענדיג פון איינזיגע ווערטער, וועלכע ער האָט געהערט צופעליג צווישען פאָטער און אָנקעל, אַריינקומענדיג אין טהיר פון קאַבינעט, האָט ער פערשטאַנען, אַז זיי האָבען געמוזט ריידען וועגען זיין מוטער. און, אום ניט צו אורטהיילען יענעם פאָטער, מיט וועלכען ער האָט געלעבט און פון וועלכען ער איז געווען אָבהענגיג, און הויפּטזעכליך אום ניט צופיעל דערנומען ווערן פון געפיהלען, וועלכע ער האָט גערעכענט אַלס שוין ניט פּאַסיגע פאַר איהם, האָט סעריאָזשא געזוכט ניט צו קוקען אויפ'ן אָנקעל, וועלכער איז געקומען צופּאָהרען צו שטערען זיין רוהע.

אָבער ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען באַלד נאָך איהם, האָט איהם אַ רוף געטאָהן דערזעהענדיג איהם אויף דיא טרעפּ און האָט ביי איהם אַ פרעג געטאָהן, וויא ער פערברענגט זיין צייט אין שוהל, ווען עס איז אָברוה צווישען איין קלאַס און אַנדערן, האָט סעריאָזשא מיט איהם זיך צורעדט, ווארום עס איז געווען ניט אין דעם פאָטערס אַנוועזענהייט.

— ביי אונז געהט איצט אַן אייזענבאַהן. איהר זעהט וויא: צוויי זעצען זיך אויף אַ באַנק, דאָס זיינען פּאַסאַזשירען. איינער שטעלט זיך אין דער הויך. און אַלע שפּאַנען זיך איין און מען שפּרינגט איבער אַלע צימערען. אַ קאָנדוקטאָר איז זעהר שווער צו זיין.

— דאָס איז דער, וואָס שטעהט, איז דאָס דער קאָנדוקטאָר? — האָט אַ פרעג געטאָהן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שמייכלענדיג.

— יאָ, דאָ פאָדערט זיך מוטה און פלינקקייט, בעזאָנדערס ווען מען שטעלט זיך פּלוצלונג אָב אָדער ווען עמיצער פאַלט אַראָב.

— אַ, דאָס איז קיין שפּאַס ניט — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, איינקוקענדיג זיך מיט האַרצוועהטאַ אין דיא דאָזיגע לעבהאַפטע אויגען פון זיין מוּ־

טער. און אָבוואָהל ער האָט פערשפּראָכען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען ניט צו ריידען וועגען אַננאַן, האָט ער פון דעסטוועגען ניט אויסגעהאַלטען.

— און דיא מאַמע געדיינקסט דוא? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָהן.

— ניין, איך געדיינק ניט — האָט האַסטיג אַ זאָג געטאָהן סעריאָזשא און האָט אַראָבגעלאָזען דיא אויגען בעת זיין פּנים האָט זיך בעדעקט מיט אַ געדיכטער רויטקייט. און דער אָנקעל האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט דערשלאָגען קיין וואָרט פון איהם.

דער סלאַווישער לעהרער האָט אין אַ האַלבע שטונדע אַרום געפונען זיין תּלמיד אויף דיא טרעפּ און האָט לאַנג ניט געקאָנט פאַרשטעהן, צו איז ער דאָס ברוגז אָדער ער וויינט.

— וואָס, איהר האָט זיך מסתּמא אָבגעשלאָגען ווען איהר זייט געפאַלען? — האָט געזאָגט דער לעהרער — איך האָב אייך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ געפעהרליכע שטיפעריי. מען דאַרף דאָס זאָגען דעם דירעקטאָר.

— ווען איך וואָלט זיך אָבגעשלאָגען, וואָלט דאָס קיינער פון מיר ניט געמערקט. דאָס איז שוין געוויס זיכער.

— וואָס־זשע דען?

— לאָזט מיך צורוה!... צו איך געדיינק, אָדער איך געדיינק ניט... וואָס איז דאָס זיין דאגה? צי וואָס זאָל איך געדיינקען? לאָזט מיך אַלע צורוה! — האָט ער זיך שוין אַ ווענד געטאָהן ניט צום לעהרער, נור צו דער גאַנצער וועלט.

## 20.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש, וויא אימער, האָט ניט אומזיסט פערבראַכט זיין צייט אין פּעטערסבורג. אַ חוץ דיא עסקים וואָס ער האָט געהאַט אויסצופיהרען אין פּעטערסבורג: דער שוועסטערס גט און וועגען זיין שטעלע, איז פּעטערסבורג פאַר איהם געווען דער פּלאַץ, וואו מען קאָן זיך אָבפרישען נאָך דעם וויא מען ווערט פאַרלעגען אין מאָסקווא.

ניט קוקענדיג אויף איהרע קאַפע־שאַנטאַנס, איז מאָסקווע דאָך אַ שטענדיגע בלאָטע. דאָס האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געפיהלט שטענדיג. לעבענדיג אַ לאַנגע צייט אין מאָסקווא, ניט אַרויספאָהרענדיג ערגעץ, איז געווען פאַר איהם אַן אָבקומעניש; עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעהויבען בעאונרוהיגען זיך וואָס דיא ווייב קוקט אויף איהם קרום, מאַכט איהם פאָרווירפע, האָט אָנגעהויבען אָבצועסען זיך אַביסעל דאָס האַרץ, וואָס דיא קינדער ערציהען זיך שלעכט, וואָס אויף זיין אַמט זיינען פאַראַן אונאַנגענעהמליכקייטען; ער האָט אפילו אָנגעהויבען צו האָבען עגמת נפש, וואָס ביי איהם זיינען אַזוי פיעל חובות. ער האָט אָבער בלויז געדאַרפט לעבען אַ ווייַלע אין פּעטערסבורג, אין יענעם קרייז, אין וועלכען ער האָט זיך באַוועגט, וואו מען האָט געלעבט, אָבער טאַקע געלעבט,

ניט געפרוירען וויא אין מאָסקווא, און באַלד זיינען אַלע יענע דאגות פערשוואונדען און זיינען צושמאָלצען געוואָרען וויא וואקס פון פייער.

זיין פרוי?... ערשט היינט האָט ער געהאַט א געשפרעך מיט פירסט טשעטשענסקי. פירסט טשעטשענסקי האָט געהאַט א פרוי און א פאַמיליע — ערוואַקסענע קינדער, אלס פּאַזשען שוין געדינט, און פון דעסטוועגען האָט ער געהאַט אַן אַנדערע, אַן אונגעזעצליכע פאַמיליע, אויך מיט קינדער. און הגם דיא ערשטע פאַמיליע איז געוועזן א געראָטענע אויך, פון דעסטוועגען האָט פירסט טשעטשענסקי געפיהלט זיך גליקליכער אין דער אַנדער פאַמיליע. און ער פלעגט אפילו ברייגען זיין עלטערן זוהן אַהער, אין דער צווייטער פאַמיליע, און ער האָט דערצעהלט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשען, אַז ער געפינט איין, אַז דאָס איז פאַר'ן זוהן זעהר ניצליך און דאָס ענטוויקעלט איהם. וואָס וואָלט מען אין מאָסקווא דערויף זאָגען?

קינדער?... אין פּעטערסבורג זיינען קינדער ניט געוועזן זייערע טאַטעס אין וועג, האָבען זיי ניט געשטערט צו לעבען. דיא קינדער האָבען זיך ערצויגען אין אַנשטאַלטען, און דאָרט איז ניט געוועזן פאַרשפרייט דער ווילדער בעגריף וויא אין מאָסקווא — לוואָוו, צום ביישפּיעל — אַז קינדער דאַרפען האָבען דעם גאַנצען תענוג פון לעבען, און פאַר דיא עלטערן זאָל בלויז בלייבען דאגה און אַרבייט. דאָ, אין פּעטערסבורג, האָט מען פערשטאַנען, אַז א מענש דאַרף לעבען פון זיין אייגענער הנאה וועגען, וויא עס פּאַסט פאַר א געבילדעטען מענשען.

דיא אַמט?... דא, אין פּעטערסבורג, איז צו בעקליידען אַן אַמט אויך ניט געוועזן פערבונדען מיט אַזאַ מין האָרעוואַניע, שלעפּען דעם יאָך פון יאָהר צו יאָהר, וויא דאָס איז אין מאָסקווא; דאָ איז געוועזן אינטערעסאַנט צו דינען. מען בעגעגנט זיך מיט דעם, מיט יענעם, מען טהוט א געפעליגקייט פאַר וועמען, מען זאָגט אַריין א ווערטעל — און א מענש קאָן זיך מיט איין מאָהל ארויפשלאָגען אויף וואָס, מאַכען א קאַריערע, וויא בריאַנצעוו, צ. ב. ש., וועלכען סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נעכטען בעגעגענט און וועלכער איז שוין איצט געוועזן א סענאַטאָר.

בעזאָנדערנס האָט דער פּעטערסבורגער קוק אויף געלד־זאַכען בערוהיגענד געווירקט אויף סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשען. ערשט נעכטען האָט איהם באַכטניאַנסקי, וועלכער פערלעבט מינדעסטענס וועלכע ניט איז פופציג טויזענד א יאָהר לויט זיין פיהרונג, געזאָגט וועגען דעם א מערקווירדיגען וואָרט.

זיי האָבען זיך צורעדט אַזוי פאַר מיטאג און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש רופט זיך אָב צו באַכטניאַנסקין:

— דוא האָסט, דוכט זיך נאָהענטע בעקאַנטשאַפט מיט מאַרדווינסקי; דוא קאָנסט מיר טאָהן א טובה, פעררייד פאַר מיר א ווערטעל. עס איז פאַראַן א שטעלע, וועלכע איך וואָלט געוועלט בעקומען, אלס מיטגליעד פון...

— נו, וואָס העלפט דאָס, איך וועל דאָך זאָ וויא זאָ ניט געדיינקען... אָבער וואָס האָט דיך עפּעס אָנגעכאַפּט אַזאַ חשק אַריינצוקריכען אין דיא אייזענבאַהן עסקים מיט זשידעס?... וויא דוא ווילסט, אָבער דאָס איז א פּאַסקודנע זאַך.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט איהם שוין ניט געענטפערט, וויא ער האָט געענטפערט קארענינען, אַז דאָס איז דאָך א לעבעדיגער געשעפט: באַכטניאַנסקי וואָלט דאָס ניט פאַרשטעהן.

— איך דארף געלד, נישטאָ מיט וואָס צו לעבען.

— דו לעבסט דאָך?

— איך לעב, אָבער חובות.

— חובות? וואָס רעדסט דו? פיעל? — האָט מיטליידיג געזאָגט באַכטשיאַנסקי.

— זעהר פיעל, ביי א צוואַנציג טויזענד.

באַכטשיאַנסקי האָט זיך פרעהליך צוקייכט פאַר געלעכטער.

— אָ, גליקליכער מענש! — האָט ער געזאָגט — איך האָב אנדערהאַלבען מיליאָן חובות און פאַרמעג לחלוטין גאָרנישט, און פון דעסטוועגען וויא דו זעהסט, מען קאָן נאָך לעבען!

און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דאָס ניט נור געהערט אין ווערטער, נור געזעהען דאָס טאַקע מיט דיא אויגען. זשיוואַכאָוו איז געוועזן א בעל חוב דריי הונדערט טויזענד, און האָט אַליין קיין קאָפּיקע געלד ניט געהאַט, און פון דעסטוועגען האָט ער געלעבט, און נאָך וויא געלעבט! אויף גראַף קריווצאָוען האָבען שוין אַלע לאַנג א כאַך געטאָהן מיט דער האַנד, און פון דעסטוועגען האָט ער נאָך אויפגעהאַלטען צוויי מעטרעסען. פּעטראָווסקי האָט פאַרשווענדעט פינף מיליאָן, און פון דעסטוועגען האָט ער זיך געלעבט וויא פריהער, געהאַט א שטעלע אויף צוואַנציג טויזענד א יאָהר און איז א פערוואַלטער פון פינאַנצען. אויסער דעם האָט פּעטערסבורג פיזיש געהאַט א גוטע ווירקונג אויף סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש, האָט איהם יונגער געמאַכט. ער האָט אין פּעטערסבורג געפיהלט וויא צעהן יאָהר וואָלט איהם אַראָבגעפאַלען פון דיא פּלייצעס.

ער האָט אין פּעטערסבורג געפיהלט דאָסזעלביגע, וואָס איהם האָט ערשט נעכטען געזאָגט דער זעכציג־יאָהריגער פירסט אבלאַנסקי, פּיאָטר, וועלכער האָט זיך נור־וואָס צוריקגעקעהרט פון אויסלאַנד.

— מיר וויסען דאָ ניט וויא צו לעבען — האָט איהם געזאָגט פּיאָטר אבלאַנסקי — ווערסט דו גלויבען, איך האָב פערבראַכט א זומער אין באַדען, נו, ווירקליך, איך האָב געפיהלט, אַז איך בין ווידער א יונגער מענש. איך דערזעה א ווייבעלע, א יונגע, און דיא געדאַנקען... דו עסט אָב א מיטאָג, טרינקסט אביסעל אויס — קראַפט, לעבעדיגקייט. געקומען אין רוסלאַנד — פאָהר צו דער ווייב, און נאָך צו לאַנד — נו, ווערסט גלויבען, קוים צוויי וואָכען אַריבער, שוין אָנגעטאָהן דעם שלאָפראָק, אויפגעהערט אנקליידען זיך צו מיטאָג. און וואו טראַכטען וועגען יונגינקע? געוואָרען לחלוטין אַן אַלטער מאַן. נעהם און זאָרג בלויז פאַר דער נשמה שוין און טהו תשובה. א פאָהר געטאָהן אין פּאַריז — בין ווידער געקומען צו זיך.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געפיהלט פּונקט דעמזעלבען אונטערשיעד וואָס פּיאָטר אבלאַנסקי. אין מאָסקווא האָט ער זיך אָבגעלאָזען, און אויב ער זאָל דאָרט אַזוי לייגער לעבען וואָלט ער ווירקליך דערגאַנגען ביז סיידען אָנהויבען תשובה טאָהן. אין פּעטערסבורג האָט ער זיך ווידער דערפיהלט אַלס אַנשטענדיגער מענש.

צווישען פירסטין בעטסי טווערסקאַיא און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָבען עקזיסטירט שוין פון לאַנג אָן זעהר זאָנדערבאַרע בעציהונגען. סטעפאַן אַרקאַדיע־

וויטש פלעגט איהר שפאסהאפט מאכען ליעבעס־ערקלעהרונגען און פלעגט איהר, אויך אין שפאס, זאָגען דיא אונאנשטענדיגסטע זאכען, וויסענדיג אז איהר געפעלט דאָס. אויף דעם צווייטען טאָג נאָך זיין געשפרעך מיט קארענינען, איז סטעפאן ארקאדיעוויטש געווען ביי איהר צו בעזוך; ער האָט זיך געפיהלט אזוי יונג אז אין זיין שפאסהאפט ליעבהאבעריי און ליגנערישע קאָמפלימענטען איז ער דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האָט שוין ניט געוואוסט וויא אויסצודרעהען זיך צוריק. אויף זיין גליק איז אין מיטען אָנגעקומען פירסטין מיאכקאיא, וועלכע האָט איבערגעשלאָגען זייער אליין זיין.

— א, איהר זייט דאָ — האָט פירסטין מיאכקאיא א זאָג געטאָהן דערזעהענדיג איהם — וואָס מאכט אייער אָרעמע שוועסטער? קיקט מיך ניט אָן, וואָס איך רייד אזוי וועגען איהר. פון דאן אָן זינט אלע זיינען זיא בעפאלען, אלע, וועלכע זיינען טויזענד מאָהל ערגער פון איהר, האָב איך אָנגעהויבען איינצוגעפינען, אז זיא האָט ריכטיג געהאנדעלט. זיא האָט געטאָהן דאָס, וואָס אלע טהוען, אויסער מיר, נור זיי טהוען דאָס בעהאלטענערהייט, און זיא וויל ניט נארען, וויל ניט קיין פאלשקייט, און זיא האָט שעהן געטאָהן. און נאָך בעסער האָט זיא געטאָהן, וואָס זיא האָט אוועקגעוואָרפען אייער האלב־משוגענעם שוואגער. איהר וועט מיר ענטשולדיגען. אלע האָבען גע'טענה'ט תמיד, אז ער איז א חכם, א חכם, איך איינע האָב נור שטענדיג געזאָגט, אז ער איז א דומקאָפּ. איצט, ווען ער האָט זיך פערבונדען מיט לידא איוואנאָוונא און מיט לאנדאו, זאָגען שוין אלע אז ער איז א שוטה.

— יא, ערקלעהרט מיר, ווירקליך — האָט געזאָגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — וואָס זאָל דאָס בעדייטען. איך בין ביי איהם נעכטען געווען וועגען א געוויסער אנגעלעגענהייט און געבעטען פון איהם אן ענטשיעדענעם ענטפער. ער האָט מיר קיין ענטשיעדענעם ענטפער ניט געגעבען און האָט בלויז געזאָגט, אז ער וועט א טראכט טאָהן וועגען דעם. אנשטאָט אן ענטפער פון איהם היינט, ערהאלט איך א איינלאדונג צו דער גרעפין לידיא איוואנאָוונא.

— אָט דאָס איז עס! — האָט פרעהליך א געשריי געטאָהן פירסטין מיאכקאיא — זיי וועלען א פרעג טאָהן אן עצה ביי לאנדאו, וואָס וועט ער זאָגען.

— ביי וועלכען לאנדאו? וואָס פאר א לאנדאו?

— וויא, איהר קענט נאָך ניט זשול לאנדאו? דער בעריהמטער זשול לאנדאו, דער שווארצע־קונצען־מאכער? דאָס איז אויך א האלב־משוגענער, און פון איהם הענגט דאָס אָב אייער שוועסטער'ס שיהיא!. דער דאָזיגער לאנדאו איז געווען א קלערק אין א פאריזער מאגאזין. איין מאָהל איז ער געקומען צו א דאָקטאָר היילען זיך און איז ביים דאָקטאָר אין עמפפאנגס־צימער ווארטענדיג איינגעשלאָפען. פון שלאָף האָט ער אָנגעהויבען געבען דיא קראנקע עצות. און וואונדערליכע עצות. דארף זיך דערפון דערוויסען יוריא מעלדינסקים — דער קראנקער, איהר ווייסט דאָך — דארף זיך עס זיין ווייב דערוויסען. און זיא האָט געבראכט לאנדאו'ן צו איהר קראנקען מאן; היילט ער איהם. מען האָט דעם לאנדאו געבראכט אהער אין רוסלאנד און אלע זיינען איהם בעפאלען, ער זאָל זיי היילען, און ער

הײלט זײ. גרעפין בעזזובאָווא האָט ער אױסגעהײלט, און זיא האָט איהם אזוי ליעב בעקומען, אז זיא האָט איהם אדאָפּטירט אלס איהר זוהן.

— וואָס הײסט אלס איהר זוהן?

— אָט אזוי וויא איהר הערט, געמאַכט איהם פאַר איהרען א זוהן. ער איז געוואָרען גראַף בעזזובאָוו. איצט האָט זיך אײף איהם ארױפגעווארפען גרעפין לידיא איוואַנאָוונא, און ער איז געוואָרען איהר וואַהרזאַגער, איהר נביא, קײן זאַך ווערט פון איהר און אלעקסײ אלעקסאַנדראָוויטשען ניט בעשלאָסען, וואו זײ זאָלען פריהער ניט אנפרעגען, וואָס לאַנדאו, אָדער בעסער וואָס גראַף בעזזובאָוו זאָגט.

## 21.

נאָך א פרעכטיגען מיטאג, מיט א היבשע ביסעל קאָניאַק, בײ באַרטניאַנסקין, איז סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש אװעק צו גרעפין לידיא איוואַנאָוונא, לויט איהר אײנלאַדונג.

— ווער נאָך איז בײ דער גרעפין? דער פראַנצויז? — האָט א פרעג געטאָהן בײם לאַקײ סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, וועלכער האָט דערקענט אלעקסײ אלעקסאַנדראָוויטשעס מאַנטעל הײנגענדיג.

— יאָ, אלעקסײ אלעקסאַנדראָוויטש קארענין און גראַף בעזזובאָוו — האָט מיט שטרײנגען ערענסט געענטפערט דער שווײצאַר.

עס איז נאָך געוועזן גאַנץ ליכטיג דרױסען, נור אין דעם קלײנעם גאַסט־צימער בײ גרעפין לידיא איוואַנאָוונא האָבען שוין געברענט לאָמפּען און דיא גאַרדינען זײנען געוועזן ארונטערגעלאָזען. בײם רונדען טיש, אונטער׳ן לאָמפּ, זײנען געזעסען דיא גרעפין און אלעקסײ אלעקסאַנדראָוויטש און האָבען וועגען עפּעס שטיל גערעדט. א ניט־געוויקסיגער, מאַגערער יונגערמאַן מיט א ווײבליכען הינטערטהײל, מיט אױסגעבויגטע פיס בײ דיא קנעכלעך, זעהר א בלײכער, א שעהנער, מיט בליציגע שעהנע אויגען און לאַנגע האָאר, איז געשטאַנען אין דער אַנדער זײט צימער און האָט בעקוקט דיא פּאָרטרעטען אויף דער וואַנד. גריסענדיג דער ווירטהין און אלעקסײ אלעקסאַנדראָוויטשען, האָט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש ניט וועלענדיג א קוק טאָהן אויף דעם אונבעקאַנטען יונגענמאַן.

— מאַסיע לאַנדאו! — האָט זיך צו איהם א ווענד געטאָהן דיא גרעפין מיט א בעזונדער ווײכקײט אין איהר שטימע. און זיא האָט זײ פאָרגעשטעלט אײנעם דעם צווײטען.

לאַנדאו האָט זיך שנעל אומגעקוקט, איז צוגעגאַנגען, האָט א שמײכעל געטאָהן און איז ווידער אָבגעטראָטען און געקוקט אויף דיא פּאָרטרעטען. דיא גרעפין און אלעקסײ אלעקסאַנדראָוויטש האָבען זיך פּיעלדײטיג איבערגעקוקט.

— איך בין זעהר גערן אײך צו זעהען, בעזאָנדערס הײנט — האָט געזאָגט דיא גרעפין אָנצײגענדיג איהם א פּלאַץ לעבען קארענינען — איך האָב אײך בע־

קאנט מיט איהם אלס מיט דעם נאָמען לאנדאו, אָבער ער איז אין דער ווירקליכקייט גראף בעזזובאָוו, נור ער ליעבט ניט דעם טיטול.

— יא, איך האָב געהערט -- האָט געזאָגט סטעפאן ארקאדיעוויטש — מען זאָגט, אז ער האָט פאָלשטענדיג אויסגעהיילט גרעפין בעזזובאָווא.

— זיא איז געוועזן היינט ביי מיר, עס איז אזא עלענד אויף איהר! — האָט זיך דיא גרעפין געווענדעט צו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש — דיא שיידונג מיט איהם איז פאר איהר אזוי שרעקליך.

— און ער פאָהרט טאקע בעשטימט? — האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש א פרעג געטאָהן.

— יא, ער פאָהרט קיין פאריז. ער האָט נעכטען געהערט א שטימע — האָט געענטפערט גרעפין לידיא איוואנאָוונא, קוקענדיג אויף סטעפאן ארקא־דיעוויטש.

— אך, א שטימע! — האָט ווידערהאָלט אבלאנסקי, פיהלענדיג, אז מען דארף זיין פאָרזיכטיג אין דער דאָזיגער געזעלשאפט.

— איך קען אייך שוין לאנג און וואָלט אייך געוועלט קענען נאָך נעהנטער. דיא פריינד פון אונזערע פריינד זיינען אויך אונזערע פריינד. אָבער אום צו זיין עמיצענס א פריינד, דארף מען זיך אריינטראכטען אין יענעמס נשמה, און איך האָב מורא, אז איהר טרוט דאָס ניט אין בעצוג צו אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש. איהר פארשטעהט וועגען וואָס איך רייד.

— טהיילוויז פארשטעה איך, גרעפין — האָט געזאָגט אבלאנסקי, ניט פארשטעהענדיג גוט אום וואָס עס האנדעלט זיך, אָבער וועלענדיג בלייבען אי אהין אי אהער.

— יענע ענדערונג, וועלכע אין איהם איז פאָרגעקומען — האָט געזאָגט לידיא איוואנאָוונא — קאָן ניט אָבשוואכען זיין ליעבע צום נעקסטען. אָבער איך האָב מורא, אז איהר פארשטעהט מיך ניט גאָר אין גאנצען.

— ניט אין גאנצען, גרעפין. געוויס, זיין אונגליק...

— יא, יענער אונגליק, וועלכער איז געוואָרען זיין העכסטעס גליק, ווען זיין הארץ איז ניי געוואָרען און איז געוואָרען פול מיט דעם א ו י ב ע ר ש ט ע ן.

— יא, אָהן צווייפעל. אָבער עס איז אמאָל פאראן אזא אונטערשיעד אין איבערצייגונגען, און דערצו... — האָט מיט א ווייכען שמייכעל געזאָגט אבלאנסקי.

— עס קאָן ניט זיין קיין אונטערשיעד ווען עס האנדעלט זיך אום דער היילינגער וואהרהייט.

— א, יא, געוויס, דאָס הייסט, אָבער... — און בלייבענדיג אין פערלעגענ־הייט, ניט וויסענדיג וואָס עס ווערט געמיינט איז סטעפאן ארקאדיעוויטש אנ־שוויגען געוואָרען. פערשטאנען האָט ער, אז עס האנדעלט זיך עפּעס וועגען רעליגיאָן.

— מיר דוכט זיך, אז ער וועט באלד איינשלאָפען — האָט מיט א פיעל־דייטיגען בליק געמורמעלט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש, ווייזענדיג אויף לאנדאו.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט זיך אומגעקוקט. לאנדאו איז געזעסען ביים פענסטער, אָנגעלעהנט אויף דעם הענטעל און ווענטעל פון פוטעל, מיט אראָב־

געלאָזענעם קאָפּ. באַמערקענדיג וויא מען קוקט אויף איהם האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט קינדערש־נאַאיוו אַ שמייכעל געטאָהן.

— קוקט ניט אַהין — האָט געזאָגט לידיאַ איוואַנאָוונאַ און האָט מיט אַ לייכטע בעוועגונג צוגערוקט אַ שטוהל פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען — איך האָב בעמערקט, אַז די מאָסקווער, בעזאָנדערענס די מאַנסלייט זיינען די גלייכגילטיגסטע מענשען אין בעצוג צו רעליגיאָן.

— אָ, ניין, גרעפין, מיר דוכט זיך, אַז די מאָסקווער ווערן גערעכענט אַלס זעהר פעסטע — האָט געענטפערט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש.

— יאָ, אויף וויפיעל איך פאַרשטעה, זייט איהר, לייַדער, פון די גלייכגילטיגע — האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ מיעדען בליק אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

— וויא קאָן מען דאָס גלייכגילטיג זיין! — האָט געזאָגט לידיאַ איוואַנאָוונאַ.

— איך בין אין דער הינזיכט ניט קיין גלייכגילטיגער — האָט געזאָגט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש — נור אַ וואַרטענדער. איך וואַרט. דערווייל איז נאָך ניט געקומען פאַר מיר די צייט, איך זאָל זיך בעשעפטיגען מיט די דאָזיגע פראַגען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָבען זיך איבערגעקוקט.

— מיר קאָנען קיין מאָל ניט וויסען, צו עס איז שוין פאַר אונז געקומען די צייט אָדער נאָך ניט — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש שטרייננג — מיר דאַרפען קיין מאָהל ניט וואַרטען און פרעגען: צו זיינען מיר פאַרטיג אָדער ניט.

— אָ, ווען איהר וואָלט וויסען וואָס פאַר אַ גליק מיר געניסען, פיהלענדיג זיין שטענדיגע אנוועזענהייט אין אונזער נשמה! — האָט געזאָגט לידיאַ איוואַנאָוונאַ, שמייכלענדיג מיט זעליגקייט.

— אָבער עס קאָן דאָך זיין, אַז אַ מענש זאָל זיך אַמאָל ניט פיהלען פעהיג אויפצוהויבען זיך צו אַזאַ הויכקייט — האָט געזאָגט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש, פיהלענדיג אַז ער פאַלשעוועט אַנערקענענדיג די הויכקייט פון רעליגיאָן. אין דערזעלבערצייט האָט ער אָבער ניט געוואָגט מודה צו זיין זיך אין פריי־געזאָנענהייט פאַר אַ פערזאָן, וועלכע קאָן מיט איהר איין וואָרט בעקומען פאַר איהם די געווינשטע שטעלע.

— דאָס הייסט, איהר ווילט זאָגען, אַז די עבירות שטערען איהם? — האָט געזאָגט לידיאַ איוואַנאָוונאַ — אָבער דאָס איז דאָך אַ פאַלשע מיינונג. פאַר די גלויבענדע איז ניטאָ קיין עבירה, ווארום די עבירות זיינען שוין דערמיט גופא אויסגעקויפט געוואָרען. פאַרדאָן — האָט זיא אין מיטען אַ קעהר געטאָהן זיך צום לאַקיי, וועלכער איז אריינגעקומען מיט אַ צעטעלע. זיא האָט איבערגעלעזען און האָט געענטפערט מינדליך: מאָרגען ביי דער גרויספירסטין, זאָגט איהם.... פאַר גלויבענדע, אַלזאָ איז ניטאָ קיין עבירה — האָט זיא פאָרטגעזעצט דעם פריהערדיגען געשפּרעך.

— יא, אָבער אמונה אָהן מעשים איז דאָך טויט — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, דערמאָהנענדיג זיך א פראַזע פון קאטעכיזיס.

— אָט זעהט איהר, דאָס איז פון דיא שליחות פון דעם אפאסטאל יאקאָוו — האָט געזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש ווענדענדיג זיך צו לידיא איוואַנאָוונא מיט א ביסעל פּאַרוואורף וויא וועגען א זאַך, וועגען וועלכער זיי האָבען שוין גערעדט —. וויפיעל שאדען האָט געבראַכט דיא פאַלשע פערטייטשונג פון דעם דאָזיגען פּלאַץ! קיין זאַך שטויסט אזוי ניט אָב פון גלויבען וויא דיא דאָזיגע פערטייטשונג. „איך האָב קיין מעשים ניט, קאָן איך ניט גלויבען“, און אין אמת׳ן איז דאָס גאָר ערגעץ ניט געזאָגט געוואָרען. געזאָגט געוואָרען איז אקוראט דאָס פאַרקעהרטע.

— יא, ארבייטען פאַר גאָט, פאַסטען תעניתים, דאָס זיינען דיא ווילדע בעגריפע פון אונזערע מאָנאַכען — האָט מיט פעראַכטונג א זאָג געטאָהן לידיא איוואַנאָוונא — און אין אמת׳ן שטעהט דאָס ערגעץ ניט געשריבען. דאָס איז פיעל איינפאַכער און גרינגער — האָט זיא צוגעלייגט, קוקענדיג אויף אבלאָנסקי מיט דעמזעלבען ערמוטהיגענדען בליק, מיט וועלכען זיא פלעגט ערמוטהיגען יונגע האָפ־פריילינס אין קייזערליכען פּאַלאַסט, ווען זיי פלעגען פיהלען זיך אין פערלעגענהייט אין דער נייער אומגעבונג.

— מיר זיינען געראַטעוועט געוואָרען דורך קריסטוס, וועלכער איז אָב־געקומען פאַר אונז. מיר זיינען געראַטעוועט דורך דעם גלויבען — האָט בע־שטעטיגט אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטש אַלס א גוטהייסונג פון איהרע ווערטער.

— וואו קאָמפּרענע ל׳אנגלעיז? — האָט א פרעג געטאָהן לידיא איוואַ־נאָוונא און איז אויפגעשטאַנען און גענומען זוכען אויף א פּאָליצקע צווישען דיא ביכלעך — איך וויל אייך איבערלעזען „סעיף ענד סאונד“ און „אנדער דהי ווינג“ — האָט זיא געזאָגט, א קוק טאָהנ׳דיג אויף קארענינען מיט א פראַגענדען בליק. און געפינענדיג דעם בוך האָט זיא זיך גנזעצט און געעפענט, פאַרטיג אָנצוהויבען לעזען, וויא עס איז ווידער אריין דער לאַקיי: — א, באַראָזדין? זאָגט, אז מאָרגען צווי אוהר. יא — האָט זיא געזאָגט ווייטער, פערלייגענדיג דעם פינגער אויף דעם אויפגעמישטען פּלאַץ אין בוך און מיט א זיפץ א קוק טאָהנ׳דיג אין חלל מיט איהרע פערטראַכטע, גרויסע, שעהנע אויגען — אָט וויא עס ווירקט אמת׳ר גלויבען. איהר קענט מאַרי סאַנינא? ווייסט איהר איהר אונגליק? זיא האָט פערלאָרען איהר איין איינציגעס קינד. זיא איז געווען אין פערצווייפלונג. נו, איז וואָס? זיא האָט געפונען דעם דאָזיגען פריינד און זיא דאַנקט איצט גאָט פאַר דעם טויט פון איהר קינד. אָט דאָס איז דאָס גליק, וואָס דער גלויבען גיט!

— א, יא, דאָס איז זעהר.... — האָט געזאָגט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, א צופריעדענער דערפון וואָס מען וועט לעזען און ער וועט דערווייל האָבען צייט צו קומען צו זיך. „ניין, שוין בעסער היינט וועגען קיין זאַך ניט בעטען און וויא עס איז ארויסדרעהען זיך פון דאַנען ניט פערפּלאָנטערענדיג זיך“, האָט ער א טראַכט געטאָהן.

— אייך וועט דאָך זיין לאַנגווייליג — האָט דיא גרעפין זיך א ווענד גע־

טאָהן צו לאַנדאו — איהר פארשטעהט דאָך ניט קיין ענגליש, אָבער דאָס איז א קורצע זאַך.

— א, איך וועל פארשטעהן — האָט לאַנדאו געזאָגט מיט א שמייכעל און האָט פערמאַכט דיא אויגען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און לידיא איוואַנאָוונא האָבען זיך פיעל־דייטיג איבערגעקוקט און עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס פאָרלעזען.

## 22.

סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט זיך געפיהלט אַן איבערראַשטער פאָלשטענדיג פון דיא דאָזיגע נייע זאָנדערבארע געשפרעכען, וועלכע ער דאָט דאָס געהערט. דאָס האָט איהם אזוי אונערוואַרטעט צומישט, אַז ער האָט מיט איין מאָהל ניט געקאָנט כאַפּען וואָס טהוט זיך דאָס דאָ. הערענדיג דיא שטימע פון דער גרעפין, וועלכע האָט פאָרגעלעזען, זעהענדיג דעם מיעדען בליק פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, פיהלענדיג אויף זיך דעם בליק פון דיא שעהנע, נאַאיווע אָדער שאַרלאַטאַנישע אויגען פון לאַנדאו, אין דער אַרומיגער דונקעלקייט פון צימער, האָט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש אָנגעהויבען פיהלען עפּעס א בעזונדער מין שווערקייט אין קאָפּ.

דיא פערשיעדענארטיגסטע געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט איצט אין זיין קאָפּ: „מאַרי סאַנינא איז אין שמחה, וואָס ביי איהר איז א קינד געשטאָרבען... עס וואָלט זיך וועלען רויכערען איצט... אום צו ראַטעווען זיך דאַרף מען גלויבען בלויז, און מאָנאַכען ווייסען ניט וויא מען טהוט דאָס; דאָס וויים גרעפין לידיא איוואַנאָוונא... און פאַר וואָס פיהל איך דאָס אזא שווערקייט אין קאָפּ? איז דאָס פון׳ם קאָניאַק אָדער פון דעם, וואָס דאָס אַלעס איז אזוי משונה׳דיג?... איך האָב אָבער, דוכט זיך, ביז אַהער ניט געטאָהן דאָ עפּעס אונאַנשטענדיגעס. נור בעטען זיא איצט האָט שוין קיין זינען ניט. מען זאָגט, אַז זיי צווינגען דערנאָך אויף תפלה צו טאָהן. עס פאַסט נאָך זיי זאָלען מיך דערצו צווינגען. וואָס פאַר א דומהייט לעזט זיא דאָרט, אָבער זיא רעדט גוט ארויס דיא ווערטער. לאַנדאו איז בעזזובאָוו, פאַרוואָס איז ער עפּעס בעזזובאָוו?“ פּלוצלונג האָט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש דערפיהלט אַז זיין אונטערשטער האַלב־פּנים הויבט זיך אַן ציהען אויף צו געניצען, ער האָט פערריכט זיינע באַקענבאַרדען, בעהאַלטענדיג דעם געניץ, און האָט זיך אַביסעל צומונטערט. אָבער ער האָט באַלד דערפיהלט ווידער, אַז ער דרעמעלט שוין און אַז אָט־אָט וועט ער שוין אָנהויבען כראָפּען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער מינוט, וויא גרעפין לידיא איוואַנאָוונא׳ס שטימע האָט א זאָג געטאָהן: „ער שלאָפט“.

סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט צושראָקענערהייט אַן עפּען געטאָהן דיא אויגען, פיהלענדיג זיך שולדיג און וויא איינער וועמען מען האָט געפּאַקט. ער

האָט זיך אָבער באַלד געטרויסט, זעהענדיג אַז די גרעפין האָט דאָס ניט געזאָגט וועגען איהם נור וועגען לאַנדאַו, פון וועמעס אנשלאָפען ווערען זיי האָבען זיך עפּעס זעהר דערפרעהט.

— ששש — האָט זיא אַ ווינק געטאָהן דעם אריינקומענדען לאַקיי — קיינעם ניט אויפנעהמען.

דער פראַנצויז האָט געשלאָפען אָדער געמאַכט זיך אַז ער שלאָפט, און האָט מיט זיין שווייסיגער האַנד, וואָס איז געלעגען אויף זיין קניע, געמאַכט עפּעס שוואַכע בעוועגונגען. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אויפגעשטאַנען פאָרזיכטיג, איז גאַנץ שטיל צוגעגאַנגען און האָט אַריינגעלייגט זיין האַנד אין האַנד פון'ם פראַנצויז. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז אויך אויפגעשטאַנען, און האָט ברייט צועפענט די אויגען אום צו זיין וואַכזאַם, און האָט געקוקט דאָס אויף איינעם, דאָס אויף דעם אַנדערען. דאָס איז ניט געווען קיין חלום; עס איז געווען אויפ'ן וואָהר. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געפיהלט, אַז ביי איהם אין קאָפּ הויבט אָן אַלץ מעהר צו שווינדלען.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך שוין פערגעסען וועגען וואָס ער איז געקומען, וואָס ער האָט געוועלט בעטען פון לידיאַ איוואַנאָוונאַ און וואָס ער האָט געוועלט אויספיהרען וועגען זיין שוועסטער, און איז ארויסגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, האָבענדיג איין פערלאַנג בלויז וואָס שנעלער ארויסצוגעהן פון דעם דאָזיגען אנשטעקענדען הויז; ער איז ארויסגעלאָפען אויף דער גאַס און האָט לאַנג גערעדט און געשפּאַסט מיט'ן איזוואָזטשיק, מיט וועלכען ער איז געפאָהרען. כדי צו קומען ווידער צו זיך.

ווען ער איז געקומען אַהיים צו פּיאָטר אבלאַנסקי, ביי וועלכען ער איז איינגעשטאַנען פאַר דער צייט, וואָס ער איז אין פּעטערסבורג, האָט ער געפונען אַ צעטעלע פון בעטסי. זיא האָט איהם געבעטען צו קומען מאָרגען און ענדיגען דעם אָנגעפאַנגענעם געשפּרעך. ער האָט קוים בעוויזען איבערצולעזען דעם בריעף און אַ קרים טאָהן דעם פּנים איבער דעם, וויא עס האָבען זיך דערהערט שווערע טריט פון מענשען, וועלכע האָבען געטראָגען עפּעס אַ משא.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז אַרויס אַ קוק טאָהן. דאָס איז געווען דער יונג געוואָרענער פּיאָטר אבלאַנסקי. ער איז געווען אַזוי שיכור, אַז ער האָט ניט געקאָנט אַרויף אויף די טרעפּ. דערזעהענדיג סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשען, האָט ער זיך אָן איהם אָנגעצעפּעט און האָט איהם אָנגעהויבען דערצעהלען, וויא גוט ער האָט פערבראַכט דעם אבענד, און איז טאַקע דאָ גלייך, אין מיטען ריידען, איינגעשלאָפען.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען אין אַ שלעכטע שטימונג, וואָס מיט איהם פלעגט טרעפען זעהר זעלטען, און ער האָט לאַנג ניט געקאָנט איינשלאָפען. אַלעס, וועגען וואָס ער האָט זיך ניט דערמאָנט, איז איהם אויסגעקומען עקעלהאַפט, אָבער עקעלהאַפטער פון אַלעס איז פאַר איהם אויסגעקומען די עראינערונג פון דעם אַבענד ביי גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ.

אויף מאָרגען האָט ער בעקומען פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען אַ בעשטימטען ענטפער, אַז ער ענטזאַגט זיך פון אַ גט־געבען און ער האָט פערשטאַ־

נען אז דער ענטפער איז געווען געגרינדעט אויף דעם, וואס דער פראנצויז האט
גערעדט פון שלאף, פון ווירקליכען שלאף אדער פון געמאכטען.

## 23.

אום צו אונטערנעהמען וואס אין פאמיליען־לעבען איז נויטווענדיג ענט־
וועדער א פאלשטענדיגע מחלוקה צווישען דאס פאאר־פאלק אדער דיא הארמאניע
פון ליעבע. אויב אבער דיא בעציהונגען צווישען מאן און ווייב זיינען אונבעשטימט
און עס איז ניטא צווישען זיי ניט דאס ערשטע, ניט דאס לעצטע, דאן קאן קיין
זאך ניט אונטערנומען ווערען.

פיעלע פאמיליען בלייבען לעבען אויף זייער אלטען אופן, וואס איז שוין
איבערדריסיג אי פאר'ן מאן אי פאר דער פרוי, בלויז דערפאר, ווייל צווישען
זיי איז ניטא, ניט קיין פאלשטענדיגע קריעג, ניט קיין איינשטימונג.

פאר ווראנסקין מיט אננאן איז דאס לעבען אין מאסקווא, אין היץ און
שטויב, ווען דיא זונן האט שוין געלויכטען ניט וויא אין פריהלינג, נור וויא אין
זומער און אלע בוימער אויף דיא בולווארען זיינען שוין לאנג געווען באבלעטערט
און דיא בלעטער זיינען שוין געווען באדעקט מיט שטויב, געווען אונערטרעגליך;
אבער זיי זיינען נאך אלץ ניט אריבערגעפאהרען קיין וואזדוויזשענסק, וויא זיי
האבען שוין לאנג בעשלאסען, ווארום אין דער לעצטער צייט איז צווישען זיי קיין
הארמאניע ניט געווען.

דיא אויפרעגונג, וואס האט זיי צושיידט, האט ניט געהאט קיין אויסער־
ליכע אורזאכען, און אלע פערזוכען צו פערשטענדיגען זיך, האבען אן ערקלעהרונג
צווישען זיך, האט ניט אבגעשאפען זייער ניט איינשטימונג, נור פארקעהרט האבען
זיא נאך פארגרעסערט. ניט איינער און ניט דיא צווייטע האבען ניט ארויסגע־
זאגט דיא אורזאכע פון זייער אויפגערייצטקייט, אבער יעדערער פון זיי האט גע־
רעכענט דעם צווייטען פאר אונגערעכט און ביי יעדער אנשטויס האבען זיי גע־
זוכט איינער דעם אנדערען דאס צו ווייזען.

פאר איהר איז ער אין גאנצען, מיט אלע זיינע געוועהנהייטען, געדאנקען,
פערלאנגען, מיט זיין גאנצער גייסטיגער און פיזישער נאטור, געווען בלויז איינס
— ליעבע צו פרויען, און דיא דאזיגע ליעבע האט, לויט איהר געפיהל, געדארפט
אין גאנצען בעלאנגען צו איהר; זיא האט געדארפט זיין דער מיטעלפונקט פון
זיין גאנצער ליעבע. דיא דאזיגע ליעבע האט זיך פערקלענערט; פאלגליך האט ער,
לויט איהר מיינונג, געמוזט א טהייל פון זיין ליעבע פארשווענדען אויף אן אנדער־
פרוי אדער אויף אנדערע פרויען — און זיא איז געווארען אייפערזיכטיג. זיא
איז ניט געווען אייפערזיכטיג צו א בעשטימטער פרוי, נור צו דער פארקלענערונג
פון זיין ליעבע צו איהר. ניט האבענדיג קיין געגענשטאנד פאר איהר אייפערזוכט,
האט זיא אזא געגענשטאנד געזוכט. צייטענווייז פלעגט זיא אייפערזיכטיג ווערן

# אננא קארענינא

צו יענע פראָסטע פרויען, מיט וועלכע ער האָט געקאָנט האָבען פערבינדונגען צו פערדאנקען זיינע בעקאַנטשאַפטען בחור־ווייז, און צייטענווייז פלעגט זיך איהר אייפערזוכט ערוועקען געגען דיא פרויען פון הויכער געזעלשאַפט, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפען. אַמאָל פלעגט זיא גאָר אייפערזיכטיג ווערן אויף אַ מיידעל, וועלכע זיא האָט זיך פאָרגעשטעלט אין איהר פאַנטאַזיע, אַז ער וויל מיט יענער הייראַטהען, ווען ער וועט זיך פון איהר בעפרייען. און דיא דאָזיגע לעצטע אייפערזוכט האָט זיא געמאַטערט מעהר פון אַלע אַנדערע, דערפאַר ווייל ער אַליין איז געווען ניט פאָרזיכטיג און האָט איהר אַמאָל אָפענהערציג דערצעהלט, אַז זיין מוטער פאַרשטעהט איהם אַזוי ווייניג, דאָס ביי איהר איז רעכט צו זוכען איינצושמועסען איהם, ער זאָל טאָהן אַ שידוך מיט פירסטין סאָראָקינאַ.

זייענדיג אייפערזיכטיג האָט זיא איהם שולדיג געמאַכט אין אַלעס, וואָס האָט געמאַכט איהר לאַגע אַזוי שווער און אונערטרעגליך. ווען ער וואָלט זיא געליעבט, וואָלט ער דאָך פערשטאַנען דיא גאַנצע שווערקייט פון איהר לאַגע און וואָלט זיא אַרויספיהרען פון דער דאָזיגער לאַגע, האָט זיא געקלעהרט. ער איז אויך שולדיג דעריין, וואָס זיי וואָהנען אין מאָסקווע און ניט צו לאַנד. ער האָט ניט געקאָנט וואָהנען אַ בעגראָביענער אין דאָרף, וויא איהר האָט זיך דאָס געוועלט; איהם איז נויטיג געווען געזעלשאַפט. און ביי איהר איז אויסגעקומען, אַז ער איז אויך שולדיג אין דעם, וואָס זיא איז צושיידט פון איהר זוהן.

אפילו יענע זעלטענע מינוטען פון צערטליכקייט, וועלכע פלעגען זיין צווישען זיי, האָבען זיא ניט בערוהיגט: אין זיין צערטליכקייט האָט זיא איצט געזעהען אַ שאָטען פון זיין רוהיגקייט, פון זיכערהייט, וואָס איז פריהער אין איהם ניט געווען. און דאָס האָט זיא אויפגערעגט.

עס איז שוין געווען אבענד־צייט. אַננאַ איז געזעסען אַליין און האָט געוואַרט ביז ער וועט זיך אומקעהרען פון אַ באַנקעט פאַר אונפערהייראַטהע מענער, צו וועלכען ער איז געווען איינגעלאַדען; זיא איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן קאַבינעט און זיא האָט איבערגעטראַכט אַלע איינצעלהייטען פון דעם נעכטיגען קריעג, וואָס איז צווישען זיי פאָרגעקומען. זיא האָט לאַנג געטראַכט און ניט געקאָנט גלויבען, אַז דיא האַמפעריי האָט זיך צווישען זיי אָנגעהויבען פון אַזאַ קלייניגקייט, פון אַ נאַררישקייט, וואָס האָט זיי ביידען ווייניג געקימערט. און אין דער ווירקליכקייט איז דאָס טאַקע אַזוי געווען. אַלעס האָט זיך אָנגעהויבען דערפון וואָס ער האָט זיך ערלויבט חוזק צו מאַכען פון גימנאַזיעס פאַר פרויען, רעכענענדיג זיי פאַר ניט קיין נויטיגע זאַך. ער האָט מיט מיסאַכטונג גערעדט וועגען בילדונג פאַר פרויען אין אַלגעמיין און האָט געזאָגט, אַז האַננאַ, דאָס מיידעל פון דער ענגלענדערקע, וועלכע זיא האָט ערצויגען נויטיגט זיך גאָר ניט אין לערנען פיזיק.

דאָס האָט אַננאַן אויפגערעגט. זיא האָט געזעהען ד'עריין אַן אַנדייטונג, אַז ער קוקט מיט פעראַכטונג אויף איהרע ערציהונגס־אַרבייט. און זיא האָט איהם געענטפערט מיט אַזאַ פראַזע, וועלכע זאָל איהם בעצאָהלען פאַר דיא שמערצען וועלכע ער האָט איהר פעראורזאַכט:

— איך ערוואַרט ניט, אַז איהר זאָלט קאָנען פאַרשטעהן מיך, מיינע געפיה־

לען, וויא זיי וואָלטען געדאַרפט פערשטאַנען ווערן פון א ליעבענדען מענשען. איך האָב אָבער ערוואַרט איינפאַכע איידעלקייט — האָט זיא א זאָג געטאָהן.

און ער איז ווירקליך רויט געוואָרען פון פערדרוס און האָט געענטפערט דערויף מיט עפּעס אונאַנגענעהמעס. זיא האָט ניט געקאָנט עראינערן זיך וואָס זיא האָט איהם דערויף צוריק געענטפערט. אָבער זיא געדיינקט, אַז ער האָט עפּעס מיט דער אַבזיכט איהר וועה צו טאָהן א זאָג געטאָהן:

— מיר איז אַנגענעהם אייער ליעבשאַפט צו דער דאָזיגער מיידעלע, דאָס איז אמת, דערפאַר וויל איך זעה אַז דאָס איז ניט נאַטירליך.

דיא האַרטהערציגקייט, מיט וועלכער ער האָט פערניכטעט דאָס וועלטעל, וואָס זיא האָט פאַר זיך געבילדעט כדי צו קאָנען אַריבערטראָגען איהר שווערע לאַגע; דיא דאָזיגע אונגערעכטע בעשולדיגונג אַז זיא פאַרשטעלט זיך, אַז דאָס איז אין איהר אוננאַטירליך, דאָס האָט זיא אויפגעבראַכט.

— זעהר פערדרוסליך, וואָס בלויז גראָבעס און מאַטעריעלעס קומט ביי אייך אויס נאַטירליך און פאַרשטענדליך — האָט זיא שוין איהם א זאָג געטאָהן און איז ארויס פון צימער.

ווען ער איז נעקסטען אבענד געקומען צו איהר, האָבען זיי מעהר ניט דער־מאָנט וועגען דער קריגערייי וואָס צווישען זיי איז פאָרגעקומען, אָבער זיי האָבען ביידע געפיהלט, אַז דיא קריגערייי איז בלויז פאַרגלעט געוואָרען אָבער ניט אַריבער־געגאַנגען.

היינט איז ער דעם גאַנצען טאָג אין דער היים ניט געוועזן און איהר איז געוועזן צו עלענדיג און צו שווער צו פיהלען זיך א צוקריגטע מיט איהם; זיא האָט געוועלט אַלעס פאַרגעסען, פערצייהען און שליכען שלום מיט איהם, האָט געוועלט זיך שולדיג מאַכען און איהם פאַרענטפערען.

„איך בין אַליין שולדיג. איך בין נערוועז, איך בין אונזיניג אייפערזיכטיג. איך וועל מיט איהם גוט ווערען און מיר וועלען אַוועקפאָהרען צולאַנד, דאָרט וועל איך לעבען רוהיגער“ — האָט זיא געזאָגט צו זיך אַליין.

„ניט נאַטירליך“—האָט זי זיך פלוצלונג ווידער דערמאָנט אויף זיין וואָרט און איהר האָט געקריינקט וואָס ער האָט דאָס געזאָגט מיט א כיון, מיט דער אַב־זיכט; אַז איהר זאָל וועה טאָהן. „ער האָט דאָך דאָס דערמיט געמיינט צו זאָגען, אַז עס איז ניט נאַטירליך וואָס ניט ליעבענדיג מיין אייגענע טאָכטער, ליעב איך א פרעמד קינד. ניין, דאָס האָט ער געזוכט מיך צו קריינקען. ער ליעבט מיך ניט, ער ליעבט סיידען אַן אַנדער פרויענצימער, אַנדערש קאָן דאָס ניט זיין.“

און זעהענדיג, אַז בעת זיא וויל זיך בערוהיגען מאַכט זיא ווידער דורך דעמזעלבען קרייז, אין וועלכען איהרע געדאַנקען האָבען זיך באַוועגט און קעהרט זיך אַלץ אום צום זעלביגען פונקט, וואָס רעגט זיא אויף, האָט זיא זיך דערשראָקען פאַר זיך אַליין. „ניט שוין־זשע קאָן איך עס ניט נעהמען אויף זיך, אַז איך בין שולדיג — האָט זיא זיך געזאָגט און האָט אָנגעהויבען ווידער פון אָנהויב — ער איז דאָך עהרליך, ער זאָגט דאָך דעם אמת. ער ליעבט מיך און איך ליעב איהם. אין גיכען וועט ארויסקומען דער גט. וואָס־זשע נאָך פעהלט? עס פעהלט פער־טרויען, עס פעהלט רוהיגקייט. יא, איך וועל עס נעהמען אויף זיך. יא, איצט

וויא ער וועט קומען, וועל איך איהם זאָגען, אז איך בין דיא שולדיגע, אַבוואָהל אין אמת'ן בין איך ניט שולדיג, און מיר וועלען אוועקפאָהרען פון דאַנען."

און אום ניט צו טראַכטען מעהר און ניט אויפרעגען זיך, האָט זיא א קלונג געטאָהן און האָט געהייסען אריינטראָגען דיא קאַסטענס איינצופּאַקען דיא זאכען.

צעהן א זייגער איז וורָאנסקי געקומען.

24.

— וואָס־זשע, איז פרעהליך געוועזען? — האָט זיא א פרעג געטאָהן, קומענדיג איהם אַנטקעגען מיט א ווייכען אויסדרוק אויפ'ן פּנים וויא א פערשולדיגטע.

— וויא געוועהנליך — האָט ער געענטפערט, פּאַ שטעהענדיג גלייך פון ערשטען בליק, אז זיא איז גוט אויפגעלייגט — וואָס זעה איך? דאָס איז גוט! — האָט ער אָנגעוויזען אויף דיא געפּאַקטע קאַסטענס.

— יא, מען דאַרף פאָהרען. איך בין געפאָהרען שפּאַצירען און עס איז אזוי שעהן, אז עס האָט זיך פאַרגלוסט צו זיין צו לאַנד. דיך האַלט דאָך קיין זאך ניט אָב?

— איך ווינש בלויז איין זאך. איך וועל גלייך אריינקומען. איך געה זיך בלויז איבערטאָהן און מיר וועלען זיך דורכריידען. הייס דערלאַנגען טהעע.

און ער איז אוועק צו זיך אין קאַבינעט.

עפּעס איז געוועזען בעליידיגענדעס אין דעם, וויא ער האָט געזאָגט: „דאָס איז גוט", וויא מען זאָגט א קינד, ווען עס הערט אויף צו זיין קריינקליך; און זיא האָט אויף אַן אויגענבליק דערפיהלט, וויא עס ערוועקט זיך אין איהר ווידער דער פערלאַנג צו קריגען זיך מיט איהם; זיא האָט אָבער געמאַכט איבער זיך אַן אָנשטריינגונג, האָט דאָס אונטערדריקט אין זיך און האָט איהם בעגעגענט מיט דעם זעלבען מונטערן פּנים.

— דוא ווייסט אויף מיר איז אָנגעקומען עפּעס א מין בעגייסטערונג — האָט זיא געזאָגט — צו וואָס זאָלען מיר דאָ וואַרטען אויפ'ן גט? איז ניט דיזעלביגע זאך צו לאַנד? איך קאָן דאָ מעהר ניט וואַרטען. איך וויל ניט האָפען, איך וויל גאָרנישט הערען וועגען גט. איך האָב בעשלאָסען, אז דאָס דאַרף מעהר ניט האָבען קיין איינפלוס אויף מיין לעבען. ביסט דוא אויך איינשטימיג?

— א, יא — האָט ער געענטפערט א קוק טאָהנ'דיג אונרוהיג אויף איהר צוטראָגענעם פּנים.

— וואָס־זשע האָט איהר דאָרט געטאָהן? ווער איז געוועזען? — האָט זיא געזאָגט נאָך א ווייַלע שווייגען.

וורָאנסקי האָט אָנגערופען דיא געסט. דער מאָהלצייט איז געוועזען א גרויס־

אַרטיגער; מען האָט זיך דערנאָך געיאָגט אויף שיפלעך, און אַלעס איז געווען זעהר ליעבליך. אָבער אין מאָסקווע קאָן קיין זאך ניט זיין אָהן קאָמיזם. עס איז ערשיענען עפּעס א דאַמע, אַ לעהרערין פון שווימען ביי דער שוועדישער קעניגין, און זיא האָט געוויזען איהר קונסט.

— וויא? זיא איז געשוואומען? — האָט בייזלעך אַ פרעג געטאָהן אַננאַ.

— עפּעס אין אַ רויטען אויפפאַלענדען קאָסטיום, אַן אַלטע פּרויענצימער, אַ מיאוסע. נו, איז ווען־זשע פאָהרען מיר?

— וואָס פאַר אַ דומע פאַנטאַזיע! וואָס־זשע, זיא שווימט עפּעס וואָס בעזאָנדערנס? — האָט, ניט ענטפערענדיג אויף זיין פראַגע, געזאָגט אַננאַ.

— אבסאָלוט קיין בעזונאָדערנס. איך זאָג דאָך דיר, זעהר דום. איז ווען־זשע רעכענסט דוא צו פאָהרען?

אַננאַ האָט אַ טרויסעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ, ווערלענדיג אַראָבטרויסלען אַן אונאַנגענעהמען געדאַנק.

— ווען פאָהרען? וואָס פריהער, אַלץ בעסער. מאָרגען וועלען מיר ניט בעוויזען. איבערמאָרגען.

— יא... ניין, וואַרט. איבערמאָרגען איז זונטאג, דאַרף איך זיין ביי מאַמאַ — האָט געזאָגט ווראָנסקי, אַביסעל אין פערלעגענהייט, ווארום וויא ער האָט נור דערמאָנט זיין מוטער אַזוי האָט ער דערזעהען וויא זיא קוקט שוין מיט פערדאַכטונג. זיין פערלעגענהייט האָט איהר אויסגעזעהען אַלס אַ בעשטעטיגונג פון איהר פערדאַכט. זיא האָט זיך אָנגעצונדען און האָט זיך פון איהם אָבגעקעהרט. איצט איז שוין איהר איפערזוכט ניט ערוועקט געוואָרען געגען דער שווים־לעהרערין פון דער שוועדישער קעניגין, זאָנדערן געגען דער פירסטין סאַראקינא, וועלכע האָט געוואָהנט צוזאַמען מיט גרעפין ווראָנסקי אין איהר הויף הינטער מאָסקווא.

— דוא קאָנסט אַהין פאָהרען מאָרגען! — האָט זיא געזאָגט.

— אָבער ניין, אַננאַ. דיא זאַך, וועגען וועלכער איך פאָהר, האָט צו טאָהן מיט פערטרויענס־פּאַפּיערען און מיט געלד, און דאָס זיינען דאָך זאַכען וואָס מען גיט מאָרגען ניט אַרויס — האָט ער געענטפערט.

— אויב אַזוי וועלען מיר אין גאַנצען ניט פאָהרען.

— וואָס הייסט, פאַרוואָס?

— ווייל שפּעטער וועל איך ניט פאָהרען. מאָנטאג אָדער קיין מאָל ניט!

— אָבער פאַר וואָס? — האָט וויא מיט פערוואונדערונג געפרעגט ווראָנסקי — דאָס האָט דאָך קיין זינען ניט!

— פאַר דיר האָט דאָס קיין זינען ניט, דערפאַר ווייל פאַר מיך קימערסט דוא זיך ניט. דוא ווילסט ניט פאַרשטעהן מיין לעבען. איין זאַך וואָס מיך האָט דאָ באַשעפטיגט, איז געווען האַננאַ, זאָגסט דוא, אַז דאָס איז פאַרשטעלטקייט. דוא האָסט דאָך נעכטען געזאָגט, אַז איך ליעב ניט מיין טאָכטער, און איך מאַך זיך וויא איך וואָלט ליעב האָבען דיא ענגלענדערקע, אַז דאָס איז ניט נאַטירליך; איך וואָלט וועלען וויסען, וועלכער לעבען קאָן דאָ פאַר מיר זיין אַ נאַטירליכער.

— איך האב דאס קיין מאל ניט געזאגט; איך האב געזאגט בלויז, אז איך קאן ניט מיטפיהלען אזא פלוצלונגע ליעבע.

— פארוואס פראהלסט דוא זיך אלץ מיט דיין אפענקייט, דוא זאגסט ניט אמת.

— איך פראהל זיך קיין מאהל ניט און איך זאג קיין מאהל ליגען ניט

— האט ער געזאגט שטיל, צוריקהאלטענדיג דעם כעס, וועלכער האט זיך אין איהם ערהויבען — עס איז זעהר פערדרוסליך, אויב דוא האסט קיין אכטונג...

— אכטונג האט מען אויסגעטראכט צוליעב דעם כדי צו פערדעקען א פוסטען פלאץ, וואו עס האט געדארפט זיין ליעבע... און אויב דוא ליעבסט מיך מעהר ניט, איז בעסער און עהרליכער אזוי צו זאגען.

— ניין, דאס ווערט דאך אונערטרעגליך! — האט א געשריי געטאהן ווראנסקי אויפשטעהענדיג פון שטוהל. און אבשטעלענדיג זיך לעבען איהר, האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט: — צו וואס פרובירסט דוא אלץ מיין געדולד. זיא האט גרענעצען.

— וואס ווילט איהר דערמיט זאגען? — האט זיא א געשריי געטאהן איינקוקענדיג זיך אין דעם אפענעם אויסדרוק פון האס, וואס עס איז געוועזן אין זיין גאנצען פנים און בעזאנדערנס אין דיא אכזרישע, בייזע אויגען.

— איך וויל זאגען — האט ער אנגעהויבען, נור האט זיך אבגעשטעלט — איך וויל פרעגען, וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

— וואס קאן איך ווען? איך קאן וועלען בלויז איין זאך, איהר זאלט מיך ניט אוועקווארפען, וויא איהר האט אין זינען — האט זיא געזאגט פאר־שטעהענדיג אלעס וואס ער האט ניט דערעדט פון כעס — אבער ניט דאס וויל איך אין אמת׳ן, דאס איז א נעבען־זאך. איך וויל ליעבע, און דיא ליעבע איז ניטא. הייסט דאס, א סוף צו אלעס.

זיא האט אנגעהויבען געהן צו דער טיהר.

— ווארט!... ווא... ווארט! — האט געזאגט ווראנסקי, ניט אויפלייזענדיג דיא בייזע קנייטשען פון זיינע ברעמען; ער האט איהר אבער אבגעהאלטען מיט דער האנד — אום וואס האנדעלט עס זיך? איך האב געזאגט, אז מען דארף דיא רייזע אבלייגען אויף דריי טעג, דערויף האסט דוא מיר אן ענטפער געטאהן, אז איך זאג ליגען, אז איך בין ניט קיין עהרליכער מענש.

— יא, און איך ווידערהאל, אז א מענש, וועלכער מאכט מיר פארוואורף, אז ער האט מיט אלעס געאפפערט פון מיינטוועגען — האט זיא געזאגט געדיינ־קענדיג דיא ווערטער פון זייער פריהערדיגען קריעג — זאג איך, אז דאס איז נאך ערגער איידער א ניט עהרליכער מענש — דאס איז א מענש אהן א הארץ.

— ניין, געדולד האט אויך איהרע גרענעצען! — האט ער א געשריי גע־טאהן און האט האסטיג ארויסגעלאזען איהר האנד.

„ער האסט מיך, דאס איז קלאהר", האט זיא א טראכט געטאהן און איז שווייגענדיג, ניט אומקוקענדיג זיך, מיט אונזיכערע טריט ארויס פון צימער. „ער ליעבט אן אנדערע, דאס איז נאך קלעהרער" — האט זיא זיך געזאגט אריינגע־הענדיג אין איהר צימער — „איך פערלאנג ליעבע, און דיא ליעבע איז ניטא,

הייסט דאָס, אַז אַלעס איז געענדיגט — האָט זיא זיך ווידערהאָלט דיא ווערטער וואָס זיא האָט איהם געזאָגט — „הייסט דאָס, אַז מען דאַרף ענדיגען".

„אָבער וויא אַזוי ?" האָט זיא זיך אַ פרעג געטאָהן און האָט זיך אַוועקגע־זעצט אין פוטעל לעבען שפּיגעל.

און איהר זיינען איצט ארויפגעקומען אויפ'ן זינען פערשיעדענע געדאַנ־קען וועגען דעם — וואוהין וועט זיא איצט פאָהרען, צו דער טאַנטע, ביי וועלכער זיא האָט זיך ערצויגען, צו דאָללי אָדער איינפאַך אַוועקפאָהרען אַליין קיין אויס־לאַנד ? און זיא האָט געטראַכט אויך וועגען דעם, וואָס טהוט ער איצט אין זיין קאַבינעט, איז נאָך מעגליך עס זאָל ווערען שלום אָדער ניט, וואָס וועלען איצט ריידען איהרע פּעטערסבורגער בעקאַנטע, וויא וועט דערויף קוקען אַלעקסיי אַלעק־סאנדראָוויטש, און נאָך פיעלע געדאַנקען. דערמאַנענדיג זיך ווידער אַמאָל וועגען אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטשען, האָט זיא זיך דערמאָנט אויף דער צייט, ווען זיא איז קראַנק געווען נאָך איהר קינפּעט. דאָס געפיהל וואָס זיא האָט דאַן געהאַט : „פאַר וואָס בין איך ניט געשטאָרבען ?" האָט זיך איהר איצט עראינערט און זיא האָט פלוצלונג פאַרשטאַנען, וואָס עס איז טיעף געלעגען פערבאָרגען ביי איהר אין הארצען. יאָ, דאָס איז געווען יענער געדאַנק, וועלכער אַליין וואָלט געקאָנט לייזען אַלעס : „יאָ, שטאַרבען !..."

„און דיא שאַנדע און דער פלעק פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען און סעריאָזשאַן, און מיין שרעקליכע שאַנדע — אַלעס וועט ראַטעווען דער טויט. שטאַרבען און ער וועט חרטה האָבען, וועט בעדויערען ,וועט ליעבען, וועט ליידען פאַר מיר." מיט אַ שמייכעל פון מיטלייד צו זיך אַליין איז זיא געזעסען אין פוטעל, אַראָבציהענדיג און אַנטאָהנדיג דיא רינגעלעך פון איהר לינקער האַנד, פאַרשטעל־לענדיג זיך זיינע געפיהלען נאָך איהר טויט.

דיא דערנעהנטערונג פון זיינע טריט האָבען זיא אָבגעצויגען פון דיא געדאַנקען. זיא האָט זיך צו איהם ניט אַ קעהר געטאָהן, וויא זיא וואָלט געווען פערנומען מיט איינפּאַקען איהרע רינגעלעך. ער איז צוגעגאַנגען, האָט זיא אָנגע־נומען פאַר דער האַנד און האָט שטיל געזאָגט :

— אננאַ, לאָמיר פאָהרען איבערמאָרגען, אויב דוא פערלאַנגסט. איך שטים איין מיט אַלעס.

זיא האָט געשוויגען.

— וואָס־זשע ? — האָט ער אַ פרעג געטאָהן.

— דוא ווייסט אַליין — האָט זיא געענטפערט און האָט שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט צוריקצוהאַלטען זיך און זיא האָט זיך צושלוכצט.

— וואַרף מיך אַוועק ! פערלאָז מיך ! — האָט זיא געשלוכצט — איך וועל מאָרגען אָבפאָהרען.... איך וועל נאָך מעהר טאָהן. ווער בין איך ? אַ פערדאָר־בענע פרויענצימער. אַ שטיין אויף דיין האַלז. איך וויל דיך ניט מאַטערען, איך וויל ניט. איך וועל דיך בעפרייען. דוא ליעבסט ניט, דוא ליעבסט אַן אַנדערע !

— אננאַ, פאַר וואָס פּייניגסט דוא אַזוי זיך און מיך ? — האָט ער גע־פרעגט, קושענדיג איהרע הענד. אין זיין פּנים איז געווען דער אויסדרוק פון צערטליכקייט און איהר האָט זיך געדוכט, אַז זיא האָט מיט'ן אויער דערהערט אַ

קלאַנג פון טרעהרען אין זיין שטימע און האָט אויף איהר האַנד געפיהלט זייער פייכטקייט. ער האָט זיא פערזיכערט, אַז עס איז קיין שום גרונד ניטאָ פאַר איהר אייפערזוכט, אַז ער האָט זיא אימער געליעבט און ליעבט זיא איצט נאָך מעהר פון פריהער. און פּלוצלונג האָט זיך איהר פערצווייפעלטע אייפערזוכט פערוואַנדעלט אין פערצווייפעלטע, לײַדענשאַפטליכע ליעבע; זיא האָט איהם אומאַרעמט, האָט באַדעקט מיט קושען זיין קאָפּ, זיין נאַקען, זיינע הענד.

## 25.

פיהלענדיג, אַז דער שלום איז אַ פאָלשטענדיגער, האָט זיך אננאַ פון מאָרגען פריה אָן אַ נעהם געטאָהן פאַרטיג צו מאַכען אַלעס צו דער רייזע. אָבוואָהל עס איז נאָך ניט בעשטימט געוואָרען צו פאָהרען זיי מאָנטאַג אָדער דיענסטאַג, ווארום יעדער איינער האָט שוין איצט געוואָלט נאָכלאָזען דעם צווייטען, איז זיא געוואָרען גאַנץ גלייכגילטיג דערצו, אויב זיי פאָהרען מיט אַ טאָג פריהער אָדער אַ טאָג שפּעטער. זיא איז געשטאַנען אין איהר צימער, צונויפלייגענדיג זאַכען, ווען ער איז צו איהר אַריינגעקומען אָן אָנגעטאָהנענער פריהער פון געוועהנליך.

— איך וועל גלייך אַריבערפאָהרען צו מאַמאַ, זיא קאָן דאָס געלד מיר צושיקען דורך יעגאָרען. און מאָרגען בין איך פאַרטיג צו פאָהרען — האָט ער געזאָגט.

— ניין, איך וועל אַליין ניט בעווייזען אַזוי גיך — האָט זיא געזאָגט און האָט אַ טראַכט געטאָהן: „הייסט דאָך דאָס, אַז מען האָט געקאָנט מאַכען אַזוי, עס זאָל זיין וויא איך האָב געוועלט" — ניין, מהו, וויא דו האָסט געוועלט. געה אַריין אין עסס־צימער, איך קום אַהין גלייך אַריין.

וורנסקי האָט געגעסען זיין ברעקפעסט, ווען זיא איז אַריינגעקומען אין עסס־צימער.

— דו וועסט ניט גלויבען, וויא איבערדריסיג מיר זיינען געוואָרען דיא דאָזיגע צימערען — האָט זיא געזאָגט זעצענדיג זיך לעבען איהם טרינקען איהר קאַפּע — איך טרוים וועגען וואָזדוויזשענסק וויא וועגען דאָס פערשפּראָכענע לאַנד. דו שיקסט נאָך ניט אָב דיא פערד?

— ניין, זיי וועלען שוין אַרויספאָהרען נאָך אונז. און דו פאָהרסט היינט ערגעץ?

— איך האָב בלויז געוועלט אַריבערפאָהרען צו ווילסאָן. איך דאַרף איהר אָבפיהרען קליידער. הייסט דאָס ענטשיעדען מאָרגען? — האָט זיא געזאָגט מיט אַ מונטערער שטימע, אָבער פּלוצלונג האָט זיך אָן ענדער געטאָהן איהר פּנים. וורנסקי'ס קאַמערדינער איז אַריינגעקומען בעטען ער זאָל זיך אונטערשרייבען אויף דער ערהאַלטונג פון אַ טעלעגראַמע. אָבער עפּעס אַזוי וויא ער וואָלט וועלען בעהאַלטען וואָס פון איהר, האָט ער דעם קאַמערדינער געענטפערט, אַז ער וועט

געפינען זיין קבלה אויף דער טעלעגראמע אין קאבינעט אויפ'ן טיש. און ער האט זיך באלד א ווענד געטאהן צו איהר.

— ניט אנדערש וויא מארגען וועל איך זיין פארטיג מיט אלעס.

— פון וועמען איז דאס א דעפעשע? — האט זיא א פרעג געטאהן, ניט הערענדיג איהם.

— פון סטיווא — האט ער געענטפערט אונווילינ.

— פאר וואס־זשע האסט דוא מיר ניט געוויזען? וואס פאר געהיימניסע קאנען זיין צווישען סטיווא און מיר?

ווראנסקי האט א רוף געטאהן צוריק דעם קאמערדינער און האט איהם געהייסען ברייננגען דיא דעפעשע.

— איך האב ניט געוועלט ווייזען, ווייל סטיווא האט א ליידענשאפט צו טעלעגראפירען; וואס איז דארט נויטיג צו טעלעגראפירען, ווען עס איז נאך קיין ענטשיידונג ניטא.

— וועגען דעם גט?

— יא, און ער שרייבט, אז ער האט ניט געקאנט דערשלאגען זיך קיין בעשטימטעס. נא, אט לעז איבער.

אננא האט מיט ציטערענדע הענד גענומען דיא דעפעשע און האט איבער־געלעזען דיעזעלביגע זאך, וואס ווראנסקי האט געזאגט. דערצו זיינען נאך געווען דיא ווערטער: „ווייניג האפנונג, אבער איך וועל טאהן דאס מעגליכע און דאס אונמעגליכע."

— איך האב נעכטען געזאגט, אז מיר בלייבט עס גאנץ גלייך, ווען איך וועל בעקומען דעם גט אדער צו איך וועל איהם אין גאנצען בעקומען צו ניט. עס איז קיין נויטווענדיגקייט ניט געווען צו בעהאלטען דאס פון מיר — „אזוי קאן ער דאך אויך פערשווייגען און בעהאלטען פון מיר זיינע קארעספאנדענצען פיעלייכט מיט פרויען", האט זיא א טראכט געטאהן — איך האב געזאגט, איך וויל וועגען דעם ניט טראכטען און וואלט ווינשען, אז דוא זאלסט זיך דערמיט אויך אזוי ווייניג אינטערעסירען, וויא איך.

— איך אינטערעסיר זיך דערמיט דערפאר, ווייל איך האב ליעב קלאהר־קייט — האט ער געענטפערט.

— קלאהרקייט בעשטעהט ניט אין דער פארם, זאנדערן אין דער ליעבע — צוליעב וואס פערלאנגסט דוא דיא קלאהרקייט?

„מיין גאט! ווידער וועגען ליעבע" — האט ער א טראכט געטאהן קנייטשענדיג דעם פנים.

— דוא ווייסט דאך צוליעב וואס: צוליעב דיר און צוליעב דיא קינדער, וועלכע וועלען זיין — האט ער געזאגט.

— עס וועלען ניט זיין קיין קינדער.

— דאס איז זעהר בעדויערענסווערטה — האט ער געענטפערט.

— דוא דארפסט עס הייכט דאס צוליעב דיא קינדער, און וועגען מיר טראכסט דוא גאר ניט? — האט זיא געזאגט, פארגעסענדיג לחלוטין און ניט הערענדיג, אז ער האט געזאגט: צ ו ל י ע ב ד י ר און צוליעב דיא קינדער.

# אננא קארענינא

— אך, איך האָב דאָך געזאָגט: צוליעב דיר. מעהר פון אלעס צוליעב דיר, ווייל איך בין זיכער, אז א גרויסער טהייל פון דיין נערוועזקייט קומט פון דער אונבעשטימטקייט פון דיין לאגע.

— ניט דאָס איז די אורזאכע — האָט זיא א זאָג געטאָהן — און איך פארשטעה אפילו ניט, וויא אזוי די אורזאכע פון מיין אויפרעגונג קאָן זיין דאָס, וואָס איך געפין זיך אין דיין רשות. וואָס פאר אן אונבעשטימטקייט זעהסט דוא דאַריין? פארקעהרט.

— פארדריסט מיך זעהר, וואָס דוא ווילסט עס ניט פארשטעהן. די אונבעשטימטקייט בעשטעהט דעריין, וואָס דיר דוכט זיך, אז איך בין פריי.

— וועגען דעם קאָנסט דוא זיין פאָלשטענדיג רוהיג — האָט זיא געזאָגט, האָט זיך אָבגעקעהרט און גענומען טרינקען איהר קאפפע.

זיא האָט אויפגעהויבען די טאסס, אָבציהענדיג דעם קליינעם פינגער, און האָט זיא צוגעטראָגען צום מויל. אָבטרינקענדיג עטליכע זופּען, האָט זיא אויף איהם א קוק געטאָהן און האָט פון׳ם אויסדרוק פון זיין פנים קלאָהר פערשטאנען, אז איהם איז אבשטויסענד געווען איהר האנד, איהר בעוועגונג און דער קלאנג פון איהרע ליפּען בעת׳ן זופּען.

— מיר איז גאנץ עגאל — האָט זיא א זאָג געטאָהן אוועקשטעלענדיג די טאסס מיט א ציטערענדע האנד — גאנץ עגאל, וואָס דיין מאמא טראַכט און וויא זיא וויל דיך פערהייראטהען.

— ווער רעדט דאָ וועגען דעם.

— ניין, טאקע וועגען דעם. און גלויב מיר, אז א פרוי אָהן א הארץ, זיא מעג זיין אן אלטע אָדער ניט אן אלטע, דיין מוטער אָדער א פרעמדע, אזא פרוי אינטערעסירט מיך ניט און איך וויל פון איהר ניט וויסען.

— אננא, איך בעט דיך ניט צו ריידען אזוי מיסאכטענד וועגען מיין מוטער.

— א פרוי, וועלכע טרעפט מיט׳ן הארצען ניט, אין וואָס עס בעשטעהט דאָס גליק און די עהרע פון איהר זוהן, ביי אזא פרוי איז קיין הארץ ניטאָ.

— איך ווידער־האָל מיין געבעט: ניט צו ריידען מיט מיסאכטונג וועגען מיין מוטער, וועלכע איך רעספּעקטיר — האָט ער געזאָגט אויפהויבענדיג זיין שטימע און קוקענדיג אויף איהר שטרייננג.

זיא האָט ניט געענטפערט. זיא האָט דרינגליך געקוקט אויף איהם, אויף זיין פנים, אויף זיינע הענד און האָט זיך דערמאָנט אלע איינצעלהייטען פון דער סצענע וויא צערטליך און ליידענשאפטליך ער איז צו איהר געוואָרען נעכטען בעת׳ן שלום ווערען. „די דאָזיגע צערטליכקייטען האָט ער מסתמא פארשווענדעט און וויל ווייטער פארשווענדען אויף פאר אנדערע פרויען!“ האָט זיא א טראַכט געטאָהן.

— דוא ליעבסט גאָר ניט די מוטער. דאָס זיינען דאָך אלץ פראזען, פראזען און פראזען! — האָט זיא א זאָג געטאָהן קוקענדיג מיט האס אויף איהם.

— און אויב אזוי, דארף מען...

— דארף מען זיך ענטשליסען, און האָב זיך ענטשלאָסען — האָט זיא גע־

זאָגט און געוועלט אוועקגעהן. אָבער אין דער מינוט איז אריינגעקומען יאשווין. אננא האָט זיך מיט איהם בעגריסט און האָט זיך אָבגעשטעלט.

צו וואָס זיא האָט איצט, ווען אין איהר נשמה איז פאָרגעגאנגען א שטורעם, ווען זיא האָט געפיהלט, אז זיא שטעהט בעפאָר א ווענדונג אין לעבען, וואָס קאָן זיך ענדיגען שרעקליך, צו וואָס זיא האָט אין אזא מאָמענט געדארפט זיך פאר־שטעלען פאר א פרעמדען מענשען, וועלכער וועט פריהער אָדער שפּעטער, זיך דאָך דערוויסען סיי־וויא־סיי וועגען אלעם — דאָס האָט זיא אליין ניט געוואוסט. זיא האָט זיך געזעצט און האָט אָנגעהויבען ריידען מיט'ן גאסט.

— נו, וויא זיינען אייערע געשעפטען? האָט איהר ערהאלטען אייער חוב? — האָט זיא געפּרעגט יאשווינען.

— יא, נישטקשה; דוכט זיך, אז איך וועל ניט אלעס בעקומען. און ווען פאָהרט איהר? — האָט געפרעגט יאשווין, זשמורענדיג זיינע אויגען אויף וורָאנסקין, פארשטעהענדיג הפנים, אז דאָ איז געווען א קריעג.

— דוכט זיך איבערמאָרגען — האָט געזאָגט ווראָנסקי.

— איהר קלייבט זיך שוין עפּעס צו לאנג.

— אָבער איצט איז שוין בעשלאָסען — האָט געזאָגט אננא, קוקענדיג ווראָנסקין גלייך אין דיא אויגען, וואָס עס האָט איהם געזאָגט, אז פון שלום איז גאָר קיין רייד ניטאָ.

— האָט איהר גאָר קיין מיטלייד ניט מיט דעם אָרעמען פּעווצאוו? — האָט אננא פאָרטגעזעצט איהר געשפּרעך מיט יאשווינען.

— איך האָב וועגען דעם זיך אליין קיין מאָל ניט א פרעג געטאָהן, אננא ארקאדיעוונא, צו האָב איך מיטלייד צו ניט. דעריין איז דאָך מיין גאנצער פער־מעגען. אז איינער יעצט זיך מיט מיר שפּיעלען, האָט ער דאָך אויך דיא כונה אי־בערצולאָזען מיך אָהן א העמד, און אזוי איך איהם. נו, און מיר קעמפּפען. דעריין בעשטעהט דאָך דאָס פערגעניגען.

— נו, און ווען איהר וואָלט געווען א פערהייראטהער — האָט געזאָגט אננא, — וויא וואָלט אייער פרוי דערביי געפיהלט?

יאשווין האָט זיך צולאכט.

— דערפאר אפּנים האָב איך ניט חתונה געהאט און האָב קיין מאָהל אין זינען ניט געהאט דאָס צו טאָהן.

— און העלסינגפאָרס? — האָט געזאָגט ווראָנסקי, ארייננמישענדיג זיך אין געשפּרעך און האָט א קוק געטאָהן אויף דער שמייכלענדער אננא. בעגע־גענענדיג זיין בליק האָט זיא אָנגענומען א קאלט־ערנסטען אויסדרוק, וויא זיא וואָלט איהם זאָגען: „עס איז ניט פארגעסען געוואָרען. עס איז אלץ וויא געוועזן".

— זייט איהר דען געווען אמאָל פערליעבט? — האָט זיא א זאָג געטאָהן צו יאשווינען.

— אָ, מיין גאָט, ניט איין מאָהל! אָבער פארשטעהט איהר מיך, איינער קאָן זיך אמאָל זעצען שפּיעלען אין קאָרטען אויף אזא אופן, אז ער זאָל זיך קאָנען אויפהויבען, וויא עס וועט נור קומען דיא צייט פון זיין ראנדע־וואו. און איך קאָן

זיך פארנעהמען מיט ליעבע אויך אויף אזא אופן, אז איך זאל נור אין אבענד ניט פארשפעטיגען צו זעצען זיך ביים קארטענ־טיש. אזוי מאך איך דאס אימער.

— ניין, ני׳ז וועגען אזא ליעבע פרעג איך, נור וועגען ווירקליכע ליעבע. זיא האט אויך געוועלט זאגען העלסינגפארס, אבער זיא האט ניט גע־וועלט ווידערהאלען א ווארט, וועלכען וורָאנסקי האט שוין געברויכט.

איידער ער האט געדארפט ארויס פון הויז איז וורָאנסקי אריין צו אננאן אין צימער. זיא האט זיך געוועלט פארשטעלען וויא זיא זוכט עפעס אויפ׳ן טיש, אבער זיא האט זיך פארשעהמט פאר אזא וואונש צו פארשטעלען זיך און האט גלייך א קוק געטאהן איהם אין דיא אויגען מיט א קאלטען בליק.

— וואס פערלאנגט איהר? — האט זיא א פרעג געטאהן אויף פראנצויז.

— איך האב פערקויפט דעם פערד גאמבעטטא און איך האב דא געוואלט נעהמען דיא פאפיערען וועגען דעם — האט ער געענטפערט און האט א טראכט געטאהן: „איך האב זיך אין קיין זאך געגען איהר ניט שולדיג געמאכט. אויב זיא וויל זיך אליין בעשטראפען, איז דאס איהר זאך". אבער ארויסגעהענדיג האט איהם אויסגעוויזען, אז זיא וויל וואס זאגען; זיין הארץ האט פלוצלונג א ציטער געטאהן אוים מיטלייד צו איהר.

— וואס, אננא? — האט ער א פרעג געטאהן.

— גארנישט — האט זיא געענטפערט אויך אזוי רוהיג און קאלט.

„גארנישט זאל זיין גארנישט", האט ער א טראכט געטאהן און איז ווידער קאלט געווארען. ארויסגעהענדיג האט ער אין שפיעגעל באמערקט וויא איהר פנים איז בלייך און דיא ליפען ציטערען, ער האט זיך געוואלט אבשטעלען און זאגען איהר א טרייסט־ווארט, אבער דיא פים האבען איהם ארויסגעטראגען פון צימער, איידער ער האט געקאנט צוטראכטען וואס צו זאגען. דעם גאנצען ווייטערען טאג האט ער פערבראכט ניט אין דער היים און ווען ער איז געקומען שפעט ביי־נאכט, האט איהם דאס מיידעל געזאגט, אז אננא ארקאדיעוונא ליידעט פון קאפ־שמערצען און זיא האט געבעטען מען זאל צו איהר ניט אריינקומען.

.26

קיין מאהל האט נאך א גאנצער טאג פון צוקריגט זיין מיט זיי ניט גע־טראפען. היינט איז דאס געווען צום ערשטען מאהל. און דאס איז ניט געווען קיין צוקריגען זיך. דאס איז געווען אן אנערקענונג פון פאלשטענדיגען קאלט ווערן. האט מען דען געקאנט ערלויבען זיך אויף איהר א קוק טאהן אזוי וויא ער איז אריין נעהמען דיא פאפיערען וועגען גאמבעטטא? א קוק טאהן אויף איהר, זעהען וויא איהר הארץ ווערט צוריסען פון פערצווייפלונג און פערבייגעהן אזוי שוויגענ־דיג, רוהיג, און גלייכגילטיג? ער איז ניט בלויז אבגעקיהלט געווארען, נור האט איהר אויך געהאסט, ווארום געוויס ליעבט ער אן אנדערע — דאס איז געווען פאר איהר קלאהר.

און דערמאָהנענדיג יענע הארטהערציגע ווערטער, וועלכע ער האט איהר געזאגט, האָט זיא צוגעטראכט נאָך ווערטער, וועלכע ער האט אפנים געוואלט און געקאָנט איהר זאָגען, און דאס האָט זיא נאָך מעהר אויפגערעגט.

„איך האלט אייך ניט — האָט ער געקאָנט זאָגען — איהר קאָנט זיך געהן, וואוהין איהר ווילט. איהר האָט ניט געוואלט גט׳ן זיך מיט אייער מאן, מסתמא דיינקענדיג צוריק צו קעהרען זיך צו איהם. דאן קעהרט זיך אום. אויב אייך פעהלט געלד, וועל איך אייך געבען: וויפיעל רובעל דארפט איהר ?“ אלע אכזרישע ווערטער, וועלכע א גראָבער מענש וואָלט געקאָנט זאגען, האָט ער איהר געזאגט אין איהר פאנטאזיע, און זיא האָט עס איהם ניט געקאָנט פערצייהען, וויא ער וואָלט דאס טאקע אין דער ווירקליכקייט געזאגט.

„און האט ער ניט ערשט נעכטען צוגעשוואָרען מיר ליעבע, ער, דער ווארהייטליכער און עהרליכער מענש ? בין איך דען געווען שוין פערצווייפעלט פיעלע מאָהל ?“ האָט זיא גלייך נאָך דעם זיך געזאגט.

א גאנצען טאָג האָט זיא אויף איהם געווארט און אבענד ווען זי איז אוועק צו זיך אין צימער, הייסענדיג זאָגען איהם, אז זי לײדעט קאָפּ־שמערצען, האט זיא זיך געשטעלט א צייכען : „אויב ער וועט קומען ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דאס מיידעל האָט איהם געזאגט וועגען איהרע קאָפּ־שמערצען, דאן הייסט עס, אז ער ליעבט זיא. אויב אָבער ניט, דאן הייסט עס„ אז אלעס איז געענדיגט, און דאן וועל איך בעשליסען, וואס איך זאָל טאָהן !...“

זיא האט אבענדס דערהערט, וויא עס האָט זיך אָבגעשטעלט זיין קארעטע, זיין קלאנג, זיינע טריט און זיין געשפרעך מיט׳ן מיידעל : ער האט געגלויבט, וואס מען האט איהם געזאגט, האָט מעהר ניט געוואלט ערקונדיגען זיך און איז אוועק צו זיך. הייסט דאס, אז אלעס איז געענדיגט.

און איהר האט זיך לעבהאפט און קלאָהר פאָרגעשטעלט דער טויט אלס דער איינציגער מיטעל ארויסצורופען אין זיין הארצען דיא ליעבע צו איהר, בעשטראפען איהם און זיין דיא זיעגערין אין יענעם קאמפף, וועלכען דער בייזער גייכט וואס האָט זיך באזעצט ביי איהר אין הארצען, האָט געפיהרט מיט איהם.

איצט איז שוין געווען גאנץ עגאל : פאָהרען אדער ניט פאהרען קיין וואזרוויזשענסק, בעקומען אדער ניט בעקומען פון דעם מאן א גט — אלץ איז געווען איבעריג. נויטוועדיג איז נור איינס : בעשטראפען איהם.

ווען זיא האט פאר זיך אָנגעגאסען דיא געוועהנליכע פּאָרציאָן אָפּיום און האָט א טראכט געטאָהן וועגען דעם, אז עס וואָלט בלויז געווען גענוג אויסצוטרינקען דאס גאנצע גלעזעל אום צו שטארבען, האט זיך איהר דאס געוויזען אזוי איינפאך און גרינג, אז זיא האָט ווידער מיט פערגניגען אָנגעהויבען טראכטען, וויא ער וועט ליידען, וויא ער וועט חרטה האבען און וויא ער וועט ליעבען איהר אנדיינקען, ווען עס וועט זיין שוין צו שפּעט. זיא איז געלעגען אין בעט מיט אָפענע אויגען, קוקענדיג אויף איין דערברענענדער ליכט און דעם שאטען פון פאראוואן אויף דעם קארניז און האט זיך אלץ פאָרגעשטעלט וויא ער וועט פיהלען ווען זיא וועט שוין ניט זיין, און ווען זיא וועט פאר איהם זיין בלויז אן עראינערונג. „ווי האָב איך דאס געקאָנט זאגען אזעלכע הארטהערציגע ווערטער ?“ וועט ער זיך:

זאָגען. „ווי האָב איך דאָס געקאָנט אַרויס געהן פון צימער, ניט זאָגענדיג איהר גאָר־נישט? אָבער איצט איז זיא שוין ניטאָ. אויף אויביג איז זיא אוועק פון אונז. זיא איז דאָרט....“

פלוצלינג האט זיך דער שאטען פון פאראוואן אָנגעהויבען צו שאָקלען, פערכאפּענדיג דעם גאנצען קארניז פון סופיט; אַנדערע שאטענס פון דער אַנדער זייט האָבען זיך געריסען און געצויגען אנטקעגען דעם דאָזיגען שאטען פון פאראוואן; אויף אַן אויגענבליק זיינען זיך דיא שאטענס צונויפגעלאָפען, האָבען זיך דערנאָך ווידער מיט אַ האסטיגקייט אָנגערוקט, האָבען זיך צושאָקעלט, צונויפגעגאָסען און עס איז געוואָרען פינסטער. „טויט“! האָט זיא אַ טראכט געטאָהן

און אויף איהר איז פלוצלינג ארויף אזא שרעק, אז זיא האט לאנג ניט געקאָנט פאַרשטעהען, וואו זי איז און זי האָט לאַנג מיט איהרע ציטערנדע הענד ניט געקאנט געפינען דיא שוועבעלעך און אָנצינדען אַן אנדער ליכט, אָנשטאָט דער, וועלכע האָט שוין דערברענט ביז׳ן ענד און איז פערלאָשען געוואָרען. „ניין, אַלעס— נור לעבען! איך ליעב דאָך איהם. ער ליעבט דאָך מיר! דאס איז געוועזען און וועט פערבייגעהן“, האָט זיא געזאגט, פיהלענדיג, אז טרעהרען פון שמחה, וואס זיא איז צוריק לעבעדיג, זיינען גערונען איבער איהרע באקען. און אום צו ראטעווען זיך פון איהר שרעק, איז זיא האסטיג געגאַנגען צו איהם אין קאַבינעט.

ער האט געשלאָפען אין קאבינעט גאנץ שטאַרק. זיא איז צו איהם צוגעגאַנגען און, בעלייכטענדיג פון אויבען זיין פנים, האָט זי לאנג אויף איהם געקוקט. איצט, ווען ער האָט געשלאָפען, האָט זיא איהם געליעבט אזוי שטאַרק, אז קוקענדיג אויף איהם האָט זיא ניט געקאָנט צוריק האלטען דיא טרעהרען פון צערטליכקייט; אָבער זיא האט געוואוסט, אז אויב ער וואָלט זיך אויפכאפּען, וואָלט ער אויף איהר אַ קוק טאָהן מיט אַ קאלטען בליק, אין וועלכען עס וואָלט זיך אויסדריקען די אנערקענונג, אז ער איז דער גערעכטער און דארום איידער זיא וואָלט צו איהם ריידען פון איהר ליעבע צו איהם, וואָלט זיא איהם ווייזען, ווי אונגערעכט ער איז געגען איהר. זיא האָט איהם ניט אויפגעוועקט, איז אוועק צו זיך און איינגעהמענדיג אָפּיום איז זיא איינגעשלאָפען מיט אַ הארטען, שווערען שלאָף.

אין־דער־פריה האָט זיא זיך אויפגעכאפּט פון אַ שרעקליכען חלום, וועלכער האָט זיך שוין ביי איהר עטליכע מאָל ווידערהאָלט נאָך איידער זיא האָט זיך פערבונדען מיט ווראָנסקין. אַן אַלטינקער מאַן מיט אַ צוקודעלטען באָרד, האָט עפּעס געטאָהן, שטעהענדיג אָנגעבויגט איבער אייזען און האָט דערביי געמורמעלט עפּעס אונזיניגע פראנצויזישע ווערטער. און וויא אימער, ווען דאָס דאָזיגע שרעקענס־בילד פלעגט זיך איהר פאָרשטעלען, האָט זיא געפיהלט, אַז דער אַלטינקער צאָהלט אויף איהר קיין אויפמערקזאַמקייט ניט, נור טהוט עפּעס איבער איהר אַ שרעקליכע זאַך אין דעם אייזען. און זיא האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ קאַלטען שוויים.

ווען זיא איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך איהר, וויא אין אַ טומאַן פאָרגעשטעלט דער נעכטיגער טאָג.

„געוועזען צווישען זיי אַ קריעג. געוועזען דאָס, וואָס האָט שוין איינינגע מאָהל פּאסירט. איך האָב געזאָגט, אַז מיר טהוט וועה דער קאָפּ, און ער איז ניט אַריינגעקומען. מאָרגען פאָהרען מיר, דארף מען איהם זעהען און פארטיג מאַכען זיך צו

דער רייזע״, האָט זיא זיך געזאָגט. און דערוויסענדיג זיך אז ער איז אין קאַבינעט, איז זיא אַוועק צו איהם. דורכגעהענדיג דורכ׳ן זאַל, האָט זיא דערהערט, אז ביים צופאָהר האָט זיך אָבגעשטעלט אַן עקיפּאַזש, און א קוק טאָהנ׳דיג אין פענסטער, האָט זיא דערזעהען א קאַרעטע, פון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגערוקט דער קאָפּ פון א יונג מיידעל אין א לילע־הוט און זיא האָט עפּעס געגעבען דעם לאַקיי א בעפעהל. זיא האָט געהערט דערנאָך וויא עמיצער איז ארויף אויבען און באַלד נאָך דעם האָבען זיך דערהערט ווראָנסקיס טריט: ער איז מיט שנעלע טריט אַראָבגעגאַנגען דיא טרעפּ, איז אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן גאַניק און איז צוגעגאַנגען צו דער קאַרעטע. דאָס יונגע מיידעל אין לילע־הוט האָט איהם איבערגעגעבען א פּאַקעט. ווראָנסקי האָט שמייכלענדיג איהר עפּעס געזאָגט. דיא קאַרעטע איז אָבגעפאָהרען, ער איז אַרויפגעלאָפען דיא טרעפּ שנעל צוריק.

דער טומאַן, וועלכער האָט אין איהר נשמה אַלעס פערהילט, האָט זיך איצט אויפגעלייזט. נעכטיגע געפיהלען האָבען מיט א נייעם שמערץ פערדריקט איצט דאָס קראַנקע הארץ. זיא האָט איצט ניט געקאָנט פערשטעהן, וויא האָט זיא זיך געקאָנט אזוי ערניעדריגען צו פערברייננגען מיט איהם א גאַנצען טאָג אין זיין הויז. זיא איז אריין צו איהם אין קאַבינעט כדי צו ערקלעהרען איהם איהר ענטשלוס.

— דאָס איז סאָראָקינאַ מיט דער טאָכטער צוגעפאָהרען און געבראַכט מיר פון מאַמאַ געלד און דיא פּאַפּיערען. איך האָב דאָס נעכטען ניט געקאָנט ערהאַלטען. וואָס מאַכט דיין קאָפּ? בעסער? — האָט ער געזאָגט רוהיג, ניט ווע־לענדיג זעהען און פערשטעהן דעם טרויעריגען און געהויבענעם אויסדרוק פון איהר פנים.

זיא האָט שטום און דרינגליך געקוקט אויף איהם, שטעהענדיג אין מיטען צימער. ער האָט אויף איהר א קוק געטאָהן, האָט אויף אַן אויגענבליק זיך אָנגעוואָלקענט און האָט פאָרטגעזעצט לעזען דעם בריעף. זיא האָט זיך א קעהר געטאָהן און איז לאַנגזאַם ארויס פון צימער. ער האָט נאָך געקאָנט זיא צוריקקעהרען, אָבער זיא איז שוין דערגאַנגען ביז דער טהיר, ער האָט אַלץ געשוויגען און עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס שורשען פון דעם איבערגעקעהרטען בויגעלע פּאַפּיער.

— יאַ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען — האָט ער א זאָג געטאָהן אין דער צייט, ווען זיא איז שוין געווען אין טיהר — מיר פאָהרען דאָך מאָרגען זיכער, ניט וואהר?

— איהר, נור ניט איך — האָט זיא געזאָגט א קעהר טאָהנ׳דיג זיך צו איהם.

— אננאַ, אויף אַזאַ אופן איז דאָך אונמעגליך צו לעבען....

— איהר, נור ניט איך — האָט זיא ווידערהאָלט.

— דאָס ווערט דאָך אונערטרעגליך!

— איהר... איהר וועט דערפון חרטה האָבען — האָט זיא געזאָגט און איז ארויס.

א דערשראָקענער פון דעם פערצווייפעלטען אויסדרוק, מיט וועלכען דיא דאָזיגע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרען, איז ער אויפגעשפּרונגען און געוואָלט לויפען נאָך איהר, אָבער ער איז געקומען צו זיך, האָט זיך ווידער געזעצט און

פארדריקענדיג שטארק דיא ציינער, האָט ער זיך אָנגעוואָלקענט. דער דאָזיגער אונפאסיגער כטראש: נאָך האָט איהם אויפגערעגט. „איך האָב אלעס פרובירט — האָט ער זיך געטראכט — עס בלייבט איינס — ניט צאָהלען קיין אויפמערקזאמ־קייט. און ער האָט זיך גענומען קלייבען צו פאָהרען אין שטאָדט וואו נויטיג איז און דערנאָך ווידער אריבערצופאָהרען צו דער מוטער, פון וועלכער ער האָט גע־דארפט ערהאלטען אן אונטערשריפט אויף דיא פאָלמאכטס־פאפיערען.

זיא האָט געהערט דעם קלאנג פון זיינע טריט איבערן קאבינעט און איבערן עסס־צימער. ביים זאל האָט ער זיך אָבגעשטעלט. ער האָט זיך אָבער קיין קעהר ניט געטאָהן אריינצוגעהן צו איהר, ער האָט בלויז אָבגעגעבען דעם דינער א בע־פעהל, אז ווען וואָיטאָוו וועט קומען זאָל מען איהם ניצען נעהמען דעם זשערעבעץ. דערנאָך האָט זיא געהערט וויא דיא קאליאסקע איז פאר איהם צוגעפאָהרען, וויא עס האָט זיך געעפענט דיא טהיר, און ער איז ווידער ארויס. נור אָט איז ער צוריק אריין אין פאָדער־צימער, און עמיצער איז עפעס ארויפגעלאָפען דיא טרעפ. דאָס איז זיין קאמערדינער געלאָפען נאָך זיינע פארגעסענע האנדשוה. זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האָט געזעהען, וויא ער האָט ניט אומקוקענדיג זיך גענומען דיא האנדשוה און, א ריהר טאָהנ׳דיג מיט דער האנד דעם קוטשערס פלייצע, האָט ער איהם עפעס געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט, קיין איין מאָל ניט א קוק טאָהנ׳דיג צום פענסטער, האָט פערלייגט א פוס אויף א פוס, און דיא קאליאסקע איז אָבגעפאָהרען.

## 27.

„אוועקגעפאָהרען! געענדיגט!“ האָט זיך געזאָגט אננא, שטעהענדיג ביים פענסטער און אלס ענטפער אויף דער פראגע האָט א קאלטער שרעק ארומגעכאפט איהר הארץ, זייענדיג נאָך אונטער דעם איינדרוק פון דער פערלאָשענער ליכט און שרעקליכען חלום, וואָס האָט זיך פאר איהר צונויפגעגאָסען אין איינס.

— ניין, דאָס קאָן ניט זיין! — האָט זיא א געשריי געטאָהן און דורכ־געהענדיג דעם צימער, האָט זיא שטארק א קלונג געטאָהן. איהר איז איצט אזוי מורא׳דיג געוואָרען צו בלייבען אליין, אז זיא האָט זיך ניט געקאָנט דערווארטען ביז דער דינער איז אריין, און זיא איז געגאנגען איהם אנטגעגען.

— געפינט אויס, וואוהין דער גראף איז געפאָהרען — האָט זיא איהם געזאָגט.

דער דינער האָט געענטפערט, אז דער גראף איז געפאָהרען אין דיא פערד־שטאהלען.

— זיי האָבען געהייסען מעלדען, אז אויב איהר וועט ווינשען אויסצו־פאָהרען, וועט זיך דיא קאליאסקע באלד צוריקקעהרען.

— גוט. ווארט. איך וועל גלייך אויפשרייבען א צעטעלע. שיקט מיכאילאן מיט'ן צעטעל אין דיא שטאהלען. שנעלער.

זיא האט זיך געזעצט און האט געשריבען:

„איך בין שולדיג. קעהר זיך אום אהיים, אן ערקלעהרונג איז נויטיג. אום גאטעס ווילען, קום צו פאהרען, מיר איז שרעקליך.“

זיא האט פערזיעגעלט און איבערגעגעבען דעם דינער. זיא האט מורא געהאט איצט צו בלייבען אליין און זיא איז נאך דעם דינער ארויס פון צימער און איז אוועק אין קינדער־צימער.

— וואס־זשע, דאס איז נאך ניט דאס, דאס איז ניט ער! וואו זיינען זיינע זיינע בלויע אויגען, זיין ליעבער און צוריקגעהאלטענער שמייכעל? — איז געוועזען איהר ערשטער געדאנק, ווען זיא האט דערזעהען איהר פולינקע רויטע מיידעלע מיט דיא שווארצע, גרייזעלדיגע האאר אנשטאט סעריאזשאן, וועלכען זיא האט, לויט איהר צוטומעלטקייט, ערווארט צו זעהען. נאך דעם וויא זיא האט געענטפערט דער ענגלענדערין, אז זיא איז פאלשטענדיג געזונד און אז זיא פאהרט מארגען אב צו לאנד, האט זיך אננא געזעצט לעבען איהר מיידעלע און האט אנגעהויבען צו שפיעלען זיך מיט איהר, דרעהענדיג פאר איהר דעם קאריק פון פלעשעל. אבער דער הויכער און קלינגענדער געלעכטער פון קינד און זיינע בעוועגונגען מיט דיא ברעמען, האבען איהר אזוי לעבהאפט עראינערט ווראנסקין, אז זיא האט געמוזט צוריקהאלטען אין זיך א שלוכצענדען געוויין און ארויס פון צימער. „ניט־שוין־זשע איז אלעס געענדיגט? ניין, דאס קאן ניט זיין — האט זיא געטראכט — ער וועט זיך צוריקקעהרען. אבער וויא וועט ער מיר ערקלעהרען דעם דאזיגען שמייכעל, זיין לעבעדיגקייט און מונטערקייט נאך דעם וויא ער האט גערעדט מיט איהר? נור ווען אפילו ער וועט ניט ערקלעהרען, וועל איך דאך גלויבען. אויב איך זאל ניט גלויבען, דאן בלייבט מיר איינס... און איך וויל ניט.“

זיא האט א קוק געטאהן אויפ'ן זייגער. עס זיינען אריבער צוועלף מינוט. „איצט האט ער שוין ערהאלטען דעם צעטעלע און פאהרט צוריק. ניט לאנג. נאך צעהן מינוט... און אויב ער וועט ניט קומען צופאהרען? ניין, דאס קאן ניט זיין. כ'ען דארף, אז ער זאל מיך ניט זעהען מיט פערוויינטע אויגען. איך וועל געהן איינוואשען זיך. יא, יא, האב איך זיך שוין פערקאמט אדער ניט?“ האט זיא זיך געפרעגט. און זיא האט זיך ניט געקאנט דערמאנען. זיא האט אנגעטאפט דעם קאפ מיט דער האנד. „יא, איך בין פערקאמט, אבער ווען — איך געדיינק גאר ניט.“ זיא האט זאגאר ניט געגלויבט איהר האנד און איז צוגעגאנגען צום טואלעטען־שפיגעל אום צו זעהען צו איז זיא ווירקליך פערקאמט אדער ניט. זיא איז געוועזען פערקאמט און האט זיך בשום אופן ניט געקאנט עראינערען ווען זיא האט דאס געטאהן. „ווער איז דאס — האט זיא געטראכט, קוקענדיג אין שפיגעל אויף דעם פלאמענדען פנים און זאנדערבאר גלאנצענדע אויגען, וועלכע האבען צושראקען געקוקט אויף איהר — יא, דאס בין איך“, האט זיא פלוצלונג פערשטאנען און, בעקוקענדיג זיך אין גאנצען, האט זיא פלוצלונג דערפיהלט אויף זיך זיינע קושען און, אויפשוידערענדיג, האט זיא א ציה געטאהן דיא אקסלען. זיא האט דערנאך צוגעטראגען דיא האנד צו דיא ליפען און האט זיא א קוש געטאהן.

„וואָס איז דאָס, איך געה פון זינען אראָב”, און זיא איז אוועק אין שלאָפ־צימער, וואו אנושקא האָט געהאַלטען אין אויפראַמען.

— אנושקא — האָט זיא געזאָגט אָבשטעלענדיג זיך לעבען מיידעל און ניט וויסענדיג אליין, וואָס צו זאָגען.

— איהר האָט געוואָלט פאָהרען צו דאריא אלעקסאנדראָוונא — האָט עפּעס וויא פארשטעהענדיג געזאָגט דאָס מיידעל.

— צו דאריא אלעקסאנדראָוונא? יא, איך וועל פאָהרען.

„פופצעהן מינוט אהין, פופצעהן מינוט צוריק. ער פאָהרט שוין, ער וועט גלייך קומען — זיא האָט ארויסגענומען דעם זייגערל און האָט א קוק געטאָהן — אָבער וויא האָט ער דאָס געקאָנט אוועקפאָהרען און איבערלאָזען מיך אין אזא לאַגע? וויא האָט ער געקאָנט אוועקפאָהרען און ניט איבערבעטען זיך מיט מיר?” זיא איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האָט אָנגעהויבען קוקען אויף דער גאַס. לויט דער צייט האָט ער זיך שוין געקאָנט צוריקקעהרען. אבער עס קאָן זיין, אז דער רעכענונג איז ניט קיין ריכטיגער, און זיא האָט ווידער אָנגעהויבען צו דער־מאָנען זיך, ווען ער איז אוועקגעפאָהרען און צעהלען דיא מינוטען.

אין דער צייט וואָס זיא איז צוגעגאנגען צום גרויסען זייגער, צו זעהען אויב איהר זייגערל איז ריכטיג, איז אימיצער צוגעפאָהרען. ארויסקוקענדיג פון פענ־סטער, האָט זיא דערזעהען זיין קאַליאסקע. אָבער קיינער איז ניט געגאנגען אויף דיא טרעפּ, און אונטען האָבען זיך געהערט שטימען. דאָס איז געוועזען דער גע־שיקטער מיט'ן צעטעל, וועלכער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין קאַליאסקע. זיא איז געגאנגען צו איהם.

— דעם גראַף ניט געטראָפען. זיי זיינען אוועקגעפאָהרען צום ניזשעגאראָ־דער אייזענבאַהן.

— וואָס איז דיר געשעהען? וואָס...— האָט זיא זיך א ווענד געטאָהן צו דעם רויטען, מונטערן מיכאילא, וועלכער האָט איהר דערלאַנגט צוריק דעם צעטעל.

„אָבער ער האָט דאָך גאָר דעם צעטעל ניט ערהאַלטען”, האָט זיא זיך געכאַפּט.

— פאָהר אריבער מיט דעם צעטעל אויסען שטאָדט צו דער גרעפין ווראָנ־סקאיא, ווייסט דוא וואו? און ברייננ גלייך אן ענטפער — האָט זיא געזאָגט דעם שליח.

„און איך אליין, וואָס וועל איך טאָהן? — האָט זיא א טראַכט געטאָהן — יא, איך וועל פאָהרען צו דאללי, דאָס איז אמת, אז ניט וועל איך פון זינען אראָב. יא, איך קאָן דאָך נאָך טעלעגראַפירען”. און זיא האָט אָנגעשריבען א דעפּעשע:

„איך מוז מיט אייך ריידען, קומט גלייך צופאָהרען”.

אָבשיקענדיג דיא טעלעגראַמע, איז זיא געגאנגען אָנטאָהן זיך. ווען זיא איז שוין געוועזען אָנגעטאָהן און אין הוט, האָט זיא ווידער א קוק געטאָהן דער דיק גע־ווארענע אנושקא אין דיא אויגען. אָפענער מיטלייד איז געוועזען צו זעהען אין דיא קליינע גרויע, גוטע אויגלעך.

— אנושקא, ליעבינקע, וואָס זאָל איך טאָהן? — האָט זיא שלוכצענדיג הילפלאָז געזאָגט, אראָבלאָזענדיג זיך אין פוטעל.

— צו וואס־זשע אזוי בעאונרוהיגען זיך, אננא ארקאדיעווגא! אזוינס פאסירט דאך. איהר פאהרט בעסער זיך דורך, צושטרייט זיך אביכעל — האט געזאגט דאס מיידעל.

— יא, איך וועל פאהרען — האט זיא זיך געכאפט און האט זיך אויפגע־הויבען — און אויב אהן מיר וועט דא זיין א טעלעגראמע, זאל מען עס צושיקען צו דאריא אלעקסאנדראָוונא... ניין, איך וועל זיך אליין אומקעהרען.

„יא, מען דארף ניט טראכטען, מען דארף עפעס טאהן, פאהרען, הויפטזעכ־ליך אוועקפאהרען פון דעם הויז" — האט זיא געזאגט צוהערענדיג זיך צו דעם שרעקליכען גערודער וואס איז פארגעקומען אין איהר הארצען און זיא איז שנעל ארויס און האט זיך געזעצט אין קאליאסקע.

— וואוהין וועט איהר בעפעהלען? — האט א פריזג געטאהן פיאטר איי־דער ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין קוטשער־פלאץ.

— אויף זנאמענקא, צו דיא אבלאנסקים.

## 28.

דער וועטער איז געוועזן א קלאהרער. דעם גאנצען אין־דער־פריה האט גע־גאסען א געדיכטער, דראבנער רעגען, און איצט האט זיך אויסגעלייטערט. דיא איי־זערנע דעכער, דיא פלאסטער־שטיינער פון דיא טראטואר'ען, דיא רעדער און לעדער, דיא מעש און דיא בלעך פון דיא עקיפאזשען — אלעס האט העל געשיינט אונטער דער מאיאווער זונן. עס איז געוועזן א זייגער דריי און דיא קאכיגסטע צייט אין דיא גאסען.

זיצענדיג אין ווינקעל פון דער בעקוועמער קאליאסקע, וועלכע האט זיך לייכט געוויגט מיט איהרע פעסטגעבויגענע רעסארען, זייענדיג געפיהרט פון דער שנעלער פאאר גרויע, האט אננא אונטער דעם געענדערטען איינדרוק אין דער פרישער לופט, דערזעהען איהר לאגע גאנץ אנדערש וויא זיא האט איהר אויסגע־זעהען אין הויז. איצט האט דער געדאנק וועגען טויט ניט געוויזען זיך איהר אזוי שרעקליך און בולט, און דער טויט אליין האט זיך איהר ניט פארגעשטעלט איצט אלס אונפערמיידליך. איצט האט זיא זיך געמאכט פאר וואס זיא האט זיך אזוי ערנידריגט. „איך בעט זיך ביי איהם, ער זאל מיר פערצייהען. איך האב זיך געמאכט אונטערטעניג צו איהם. האב זיך ערקלעהרט שולדיג. פאר וואס? קאן איך דען ניט לעבען אהן איהם?" און ניט ענטפערענדיג אויף דער פראגע, וויא זיא וועט קאנען לעבען אהן איהם, האט זיא אנגעהויבען לעזען דיא שילדען: „קאנטאר און לאגער־געשעפט. צאהן־ארצט... יא, איך וועל זאגען דאללין אלעס. זיא ליעבט וראנסקין ניט. עס וועט זיין שענדליך, שמערצליך, אבער איך וועל איהר זאגען אלעס. זיא ליעבט מיך און איך וועל פאלגען איהר עצה. איך וועל זיך איהם ניט אונטערגעבען. איך וועל איהם ניט ערלויבען צו לעהרנען מיך. פיליפאוו, געבעקס...

מען זאָגט, אז זיי פיהרען טויג קיין פּעטערסבורג. מאָסקוועד וואסער איז אזוי גוט. און דיא ברוניכיער און דיא בליגעס.“ און זיא האָט זיך דערמאָנט וויא שוין לאַנג, לאַנג, ווען זיא איז אַלט געוועזען בלויז זיבעצעהן יאָהר, איז זיא מיט דער טאַנטע געפאָהרען צו טראָיצא. „אויף פערד איז מען נאָך דאַן געפאָהרען. קאָן דאָס זיין, אז דאָס בין איך דאַן געוועזען, מיט דיא רויטע הענד? וויא פיעל פון דיא זאכען, וועלכע מיר האָבען דאַן אויסגעוויזען אזוי שעהן און אונערגרייכבאר, זיינען איצט געוואָרען ניכטסווירדיג, און דאָס, וואָס דאַן איז געוועזען ווירקליך, איז איצט אויף אויביג אונערגרייכבאר. וואָלט איך דאַן געגלויבט אויף זיך, אז איך וועל קאָנען דער־גרעהן ביז אזא ערנידעריגונג? וויא שטאָלצירען וועט ער און צופריעדען זיין, ער־האַלטענדיג מיין צעטעל!... אָבער איך וועל איהם איבערצייגען... וויא פּאַסקודנע עס שמעקט פון דעם דאָזיגען פּארב. צו וואָס האַלטען זיי נור אין איין בויען און פאַרבען? מאָדעס און בעפּוצונגען“ — האָט זיא געלעזען. א מאַנספּערזאָן האָט איהר געגריסט. דאָס איז געווען אַנושקאַס מאַן. „אונזערע פּאַראַזיטען — האָט זיא זיך דערמאָנט ווראָנסקיס אַן אויסדרוק — אונזערע? פאַר וואָס אונזערע? שרעק־ליך איז דאָס, וואָס מען קאָן ניט אויסרייסען מיט׳ן וואָרצעל דיא פערגאַנגענהייט. מען קאָן ניט אַרויסרייסען, אָבער מען קאָן בעגראָבען דיא ערינערונג וועגען איהם. און איך וועל בעגראָבען“. און דאָ האָט זיא זיך דערמאָנט וועגען איהר פערגאַנגענהייט מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשען און וועגען דעם וויא זיא האָט איהם פאַרגלעט אין איהר זכרון. „דאַללי וועט מיינען, אז איך פערלאָז דעם צווייטען מאַן און אז איך בין שוין דארום אונגערעכט. וויל איך דען בלייבען גערעכט! איך קאָן ניט!“ האָט זיא אַרויסגערעדט און איהר האָט זיך פאַרוועלט וויינען. אָבער זיא האָט באַלד אָנגעהויבען טראַכטען וועגען צוויי פערבייגעהענדע מיידלעך, פון וואָס קאָנען זיי דאָס שמייכלען. „מסתמא פון ליעבע? זיי ווייסען נאָך ניט וואָס פאַר א קנאַפּע שמחה דעריין איז, וויא נידעריג... דער בולוואַר און קינדער. דריי אינגלעך לויפען, שפּיעלען זיך אין פערדלעך. סעריאָזשא! און איך וועל אַלעס פערלירען און וועל איהם צוריק ניט בעקומען. יא, אַלעס איז פערלאָרען, אויב ער וועט זיך ניט צוריקקעהרען. עס קאָן זיין, אז ער האָט פערשפּעטיגט דעם צוג און האָט זיך שוין אפשר איצט צוריקגעקעהרט. דוא ווילסט זיך ווידער ערנידריגען! — האָט זיא געזאָגט צו זיך אַליין — ניין, איך וועל אריין צו דאַללי און וועל איהר זאָגען: איך בין אונגליקליך, איך בין דאָס ווערטה, איך בין אַליין שולדיג, אָבער איך בין דאָך אונגליקליך, העלף מיר. דיא דאָזיגע פערד, דיא קאַליאַסקע — וויא אבשטויסענד איך בין פאַר זיך אַליין אין דער דאָזיגער קאַליאַסקע — אַלץ זיינע. אָבער איך וועל זיי שוין מעהר ניט זעהען.“

צוטראַכטענדיג אַלע ווערטער, וועלכע זיא וועט זאָגען דאַללין, און אוי־מישנע צוקריינקענדיג איהר אייגען הארץ, איז אננא אַרויף אויף דיא טרעפּ.

— פאַראַן עמיצער? — האָט זיא א פרעג געטאָהן אין פאָדערצימער.

— קאַטערינא אַלעקסאַנדראָוונא לעווינא — האָט געענטפערט דער לאַקיי.

„קיטי! דיזעלביגע קיטי, אין וועלכער ווראָנסקי איז געווען פערליעבט!

— האָט א טראכט געטהאָן אננא, — דיזעלביגע, וועגען וועלכער ער האָט עראײ־נערט מיט ליעבע. ער בעדויערט, וואָס ער האָט מיט איהר ניט חתונה געהאט. און וועגען מיר עראינערט ער זיך מיט האס און בעדויערט וואָס ער האָט זיך מיט מיר פערבונדען.“

צווישען דיא שוועסטער איז דאַן אָנגעגאנגען א בעראטהונג וועגען זויגען דאָס קינד. דאללי איז איינע אליין ארויסגעקומען בעגעגענען דיא גאסט, וועלכע האָט אין דער מינוט געשטערט זייער שמועס.

— דוא ביסט נאָך ניט אוועקגעפאָהרען? איך האָב געוועלט היינט אליין זיין ביי דיר — האָט זיא געזאָגט — איך האָב היינט ערהאלטען א בריעף פון סטיווא.

— מיר האָבען אויך ערהאלטען א דעפעשע — האָט געענטפערט אננא אומקוקענדיג·זיך כדי צו דערזעהען קיטין.

— ער שרייבט, אז ער קאָן ניט פערשטעהן וואָס אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש פערלאנגט אייגענטליך, אָבער אז ער וועט ניט אוועקפאָהרען אָהן אַן ענטפער.

— איך האָב געמיינט אז עמיצער איז דאָ ביי דיר. קאָן איך לעזען זיין בריעף?

— יא, קיטי — האָט זיך צומישט אין פערלעגענהייט דאללי — זיא איז געבליבען אין קינדער־צימער. זיא איז זעהר קראנק געווען.

— איך האָב געהערט. מעג מען לעזען דעם בריעף?

— איך וועל דיר גלייך איהם ברייננגען. אָבער ער ענטזאגט ניט; פאַר־קעהרט, סטיווא האָט האָפנונגען — האָט געזאָגט דאללי, בלייבענדיג שטעהן אין טיהר.

— איך האָף ניט, און איך וויניש דאָס גאָר ניט — האָט געזאָגט אננא.

„וואָס־זשע איז דאָס, קיטי רעכענט פאַר אַן ערנידעריגונג צו בעגעגענען זיך מיט מיר? — האָט אננא א טראכט געטאָהן, בלייבענדיג אליין — עס קאָן זיין אז זיא איז גערעכט. אָבער דאָך ניט זיא, ניט זיא, וועלכע איז געווען פער־ליעבט אין וורענסקי, ניט זיא דאַרף דאָס מיר ווייזען, אָבוואָהל דאָס איז אמת. איך וויים, אז מיך, אין מיין לאגע, קאָן קיין איין אַנשטענדיגע פרויענצימער ניט אויפנעהמען. איך וויים, אז פון יענער ערשטער מינוט, האָב איך פאַר איהם געאָפּפערט מיט אלעס. און אָט איז מיין בעלאָהנונג! א, וויא איך האַס איהם! און צו וואָס בין איך אהער געקומען? דאָ איז מיר נאָך ערגער, נאָך שווערער.“ זיא האָט געהערט פון צווייטען צימער דיא שטימען פון דיא שוועסטער, וואָס האָ־בען בעשפּראָכען עפּעס. „און וואָס־זשע וועל איך איצט זאָגען דאללין? טרויסטען כיידען קיטין דערמיט וואָס איך בין אונגליקליך, אונטערוואַרפען זיך איהר שוץ? ניין. און דאלי וועט דאָך מיך אויך ניט פאַרשטעהן. און איך האָב איהר ניט וואָס צו זאָגען. אינטערעסאנט וואָלט בלויז זיין צו זעהען קיטי און ווייזען איהר, וויא איך האס אלעמען און אלעס, וויא מיר איז איצט גאנץ עגאל.“

דאללי איז אריינגעקומען מיט'ן בריעף. אננא האָט איהם איבערגעלעזען און אָבגעגעבען איהר צוריק.

# אננא קארענינא

— דאָס אַלעס האָב איך געוואוסט — האָט זיא געזאָגט — און דאָס הויבט מיך ניט אָן צו אינטערעסירען.

— אָבער פארוואָס? פארקעהרט, איך האָף — האָט געזאָגט דאללי קוקענדיג נייגעריג אויף אננאן. זיא האָט איהר קיין מאָהל ניט געזעהען אין אזא זאָנדערבארען, אויפגערעגטען צושטאנד — ווען פאָהרסט דוא? — האָט זיא געפרעגט.

אננא האָט געזשמורעט דיא אויגען, קוקענדיג בעפאָר זיך און האָט איהר ניט געענטפערט.

—וואָס־זשע, קיטי בעהאַלט זיך פון מיר? — האָט זיא געזאָגט, קוקענדיג אויף דער טיהר און ווערענדיג רויט.

— אַך, וואָס פאַר נארישקייטען! זיא זויגט דאָס קינד. און זיא ווייס נאָך אַלץ ניט וויא עס צו טאָהן, איך האָב איהר געראטהען... זיא איז זעהר גערן, פארקעהרט. זיא וועט גלייך ארויסקומען — האָט מיט פערלעגענהייט, ניט קאָנענדיג זאָגען קיין ליגען, געזאָגט דאללי — אָט איז זיא טאקע.

דערוויסענדיג זיך, אַז אננא איז געקומען צופאָהרען, האָט קיטי ניט געוועלט ארויסגעהן. אָבער דאללי האָט זיא איינגערעדט. קיטי האָט זיך אָנגעטאָהן א כח און איז ארויסגעקומען; רויט ווערענדיג איז זיא צוגעגאנגען צו אננאן און האָט איהר דערלאנגט דיא האנד.

— איך בין זעהר גערן — האָט זיא געזאָגט מיט א ציטעריגער שטימע.

קיטי האָט זיך געפיהלט אונבעקוועם פון דעם קאמפף, וואָס אין איהר איז פאָרגעקומען, צווישען פיינדשאפט צו דער דאָזיגער שלעכטער פרויענצימער און דעם פערלאנג זיין גנעדיג צו איהר. נור וויא זיא האָט דערזעהען אננאס שעהנעם, סימפאטישען פנים, איז איהר גאנצע שנאה צו איהר פערשוואונדען.

— איך וואָלט זיך ניט וואונדערן, ווען איהר וואָלט זיך ניט וועלען בעגעגנען מיט מיר. איך בין צו אַלעס געוועהנט געוואָרען. איהר זייט קראנק געווען? יא, איהר האָט זיך געענדערט — האָט אננא געזאָגט.

און זיי האָבען גערעדט וועגען איהר קראנקהייט, וועגען דאָס קינד, וועגען סטיוואן, אָבער אננאן האָט אפנים קיין זאך ניט אינטערעסירט.

— איך בין אריינגעפאָהרען צו דיר אום אבשיעד צו נעהמען — האָט זיא געזאָגט אויפשטעהענדיג.

— ווען־זשע פאָהרט איהר?

אָבער אננא האָט ווידער ניט געענטפערט און האָט זיך געווענדעט צו קיטי.

— יא, איך בין זעהר גערן, וואָס איך האָב אייך דערזעהען — האָט זיא געזאָגט מיט א שמייכעל — איך האָב וועגען אייך געהערט אזוי פיעל פון אַלע זייטען, אפילו פון אייער מאַן. ער איז ביי מיר געוועזן און ער איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען — האָט זיא צוגעלייגט, וויא עס האָט געשיינט, מיט א בייזער אבזיכט — וואו איז ער ד'ען איצט?

— ער איז אוועקגעפאָהרען צו לאנד — האָט קיטי געזאָגט רויט ווערענדיג.

— גריסט איהם פון מיינטוועגען, גריסט אונבעדינגט.

— אונבעדינגט ! — האָט נאַאיוו קיטי נאָכגעזאָגט, קוקענדיג מיטליידיג, אין איהרע אויגען.

— נו, אדיע, דאללי — און אַ קוש טאָהנדיג דאללי און אַ דריק טאָהנדיג קיטים האנד, איז אננא שנעל ארויסגעגאנגען.

— זיא איז אַלץ דיזעלבע און נאָך אַלץ אזוי אנציהענד — האָט קיטי געזאָגט בלייבענדיג אליין מיט דער שוועסטער — אָבער עפּעס ריהרענדעס איז אין איהר, עפּעס רחמנות'דיגעס !

— ניין, היינט איז עפּעס אין איהר אַזעלכעס, עפּעס בעזונדערעס — האָט געזאָגט דאללי — ווען איך האָב זיא בעגלייט אין קאָרידאָר, האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיא וויל וויינען.

## 29.

אננא האָט זיך געזעצט אין קאַליאסקע נאָך אין אַן ערגערען צושטאנד אַלס דער, אין וועלכען זיא איז געווען ווען זיא איז אָבגעפאָהרען פון דער היים. צו דיא ערשטע יסורים איז נאָך צוגעקומען איצט דאָס געפיהל פון זיין בעליידיגט און פון אַלעמען פערלאָזען, וואָס זיא האָט קלאָהר געפיהלט ווען זיא האָט זיך בעגעגענט מיט קיטי.

— וואוהין וועט איהר בעפעהלען? אהיים? — האָט אַ פרעג געטאָהן פּיאָטר.

— יא, אהיים — האָט זיא געזאָגט, גאָר ניט דיינקענדיג איצט וואוהין זיא פאָהרט.

„וויא זיי האָבען געקוקט אויף מיר, וויא אויף עפּעס שרעקליכעס, אונפאַרשטענדליכעס און נייגעריגעס. וועגען וואָס קאָן ער דאָס דערצעהלען דעם צווייטען מיט אַזא היץ — האָט זיא געטראַכט קוקענדיג אויף צוויי שפּאַצירענדע — קאָן מען דען דעם צווייטען דערצעהלען דאָס, וואָס דוא פיהלכט. איך האָב געוועלט דאַללין דערצעהלען און גוט, וואָס איך האָב ניט דערצעהלט. וויא זיא וואָלט זיך פרעהען מיט מיין אונגליק! זיא וואָלט דאָס ניט אַרויסווייזען; אָבער איהר הויפּט־געפיהל וואָלט געווען אַ פרייד וואָס איך בין בעשטראָפט פאַר יענע פערגעניגענס, וועלכע זיא האָט מיר מקנא געוועזן. קיטי וואָלט זיך נאָך מעהר געפרעהט. וויא איך זעה זיא דורך און דורך! זיא וויים, אַז איך האָב זיך פערהאַלטען צו איהר מאַן פריינדליכער אַלס געוועהנליך. און זיא איז אייפערזיכטיג און האַסט מיך דערפאַר. און זיא פעראַכטעט מיך נאָך דערצו. אין איהרע אויגען בין איך אַן אונמאָראַלישע פרוי. ווען איך וואָלט געווען אַן אונמאָראַלישע פרוי, וואָלט איך דאָך געקענט פערליבען אין זיך איהר מאַן... ווען איך וואָלט בלויז וועלען. אין איך האָב טאַקע געוועלט. אָט דער דאָזיגער איז צופריעדען מיט זיך", האָט זיא אַ טראַכט געטאָהן וועגען אַ דיקען, רויטען הערר, וועלכער איז פערביינעפאָה־

רען איהר אנטגעגען און אַ הויב געטאָהן זיין גלאַנציגען הוט פון'ם פליכעוואַטען קאָפּ, מיינענדיג אַז דאָס איז אַ בעקאַנטע און איבערצייגענדיג זיך באַלד, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. „ער האָט געמיינט, אַז ער קען מיך. און ער קען מיך אויך אַזוי ווייניג, וויא ווער עס איז אויף דער וועלט קען מיך. איך קען זיך אַליין ניט. איך ווייס בלויז מיינע אַפּעטיטען, וויא די פראַנצויזען זאָגען. און אָט זיי ווילט זיך געניסען שמוציגע אייז־קרעם. דאָס ווייסען זיי אויף זיכער", האָט זיא געטראַכט, קוקענדיג אויף צוויי אינגלעך, וועלכע האָבען אָבגעשטעלט דעם אייז־קרעם טרעגער, וועלכער האָט אַראָבגענומען פון קאָפּ זיין אייז־קרעם קייפעל און האָט מיט'ן ברעג האַנטוכעל אָבגעווישט זיין פערשוויצטען פּנים. „מיר אַלע ווילען, זיסע זאַכען, געשמאַקע. ניטאָ קיין צוקערקעס, איז שמוציגע אייז־קרעם. און קיטי אויך אַזוי: ניט ווראָנסקי, איז לעווין. און זיא איז מיר מקנא. און זיא האַסט מיך. און מיר אַלע האַסען איינער דעם צווייטען. איך — קיטין, קיטי — מיך. אָט דאָס איז דער אמת. טיוטקינס האָאַר־פריזור... איך מאַך מיר אַ פריזור אַ לאַ־טיוטקין... איך וועל דאָס איהם זאָגען, ווען ער וועט קומען צופאָהרען" האָט זיא אַ טראַכט געטאָהן און האָט אַ שמייכעל געטאָהן. אָבער אין דערזעלביגער מינוט האָט זיא זיך דערמאָנט, אַז זיא האָט איצט ניט פאַר וועמען צו דערצעהלען עפּעס וויצעלדיגעס. „און עס איז גאָר קיין ווייץ ניט; ניטאָ קיין פרעהליכעס. אַלעס איז אַזוי אַבשטויסענד. מען קלינגט צו אבענד־דינסט אין קלויסטער, און וויא פּינקטליך דער דאָזיגער קופּעץ צלם'ט זיך, אַזוי וויא ער וואָלט מורא האָבען, אַז עפּעס וועט איהם ארויספאַלען פון דער האַנד. צו וואָס דאַרף מען די דאָזיגע קלויסטערס, דעם גלאָקען־קלאַנג און די דאָזיגע פאַלשקייט? נור צוליעב דעם, מיר זאָלען קאָנען פערמאַסקירען אונזער האַס איינער צום צווייטען, וויא די רוזיגע איזוואָזטשיקעס, וועלכע זידלען זיך אַזוי בייזערדיג. יאַשווין זאָגט: ער וויל מיך איבערלאָזען אָהן אַ העמד, און איך איהם. אָט דאָס איז דער אמת!"

מיט די דאָזיגע געדאַנקען, וועלכע האָבען זיא אַזוי צומישט, אַז זיא האָט אויפגעהערט צו טראַכטען אפילו וועגען איהר לאַגע, האָט זיא זיך דערזעהען פון לעבען גאַניק פון איהר הויז, וואו די קאַליאַסקע האָט זיך אָבגעשטעלט. דערזעהענדיג דעם ארויסקומענדען שווייצאַר, האָט זיא זיך ערשט איצט דערמאָנט, אַז זיא האָט געשיקט אַ צעטעל און אַ טעלעגראַמע.

— איז דאָ אַן ענטפער? — האָט זיא אַ פרעג געטאָהן.

— איך וועל גלייך אַ קוק טאָהן — האָט געענטפערט דער שווייצאַר, האָט אַ קוק געטאָהן אין קאַנטאָרעל, האָט ארויסגענומען פון דאָרט אַ טעלעגראַמע אין אַ קאָנווערט און האָט איהר דערלאַנגט. „איך קאָן ניט קומען פריהער פון צעהן אוהר. ווראָנסקי" — האָט זיא איבערגעלעזען.

— און דער געשיקטער האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט?

— ניין נאָך — האָט געענטפערט דער שווייצאַר.

„אַ, אויב אַזוי, דאַן ווייס איך וואָס איך האָב צו טאָהן — האָט זיא זיך געזאָגט, פיהלענדיג וויא אין איהר ערוועקט זיך אַן אונבעשטימטער צאָרען און אַ פערלאַנג פון נקמה — איך וועל אַליין פאָהרען צו איהם. איידער איך פאָהר

אוועק אויף אימער, וועל איך איהם זאָגען אַלעס. איך האָב קיין מאָהל קיינעם אזוי ניט געהאסט וויא דעם זאָזיגען מענשען.“ האָט זיא געטראַכט.

זיא איז ארויפגעלאָפען אויף דיא טרעפ. דערזעהענדיג זיין הוט אויפ׳ן היינגער, האָט זיא זיך אָבגעטרויסעלט פון עקעל. זיא האָט ניט באדיינקט, אז זיין טעלעגראמע איז אַן ענטפער אויף איהר טעלעגראמע, און אַז איהר צעטעלע האָט ער נאָך גאָר ניט בעקומען. איהר האָט זיך איצט פאָרגעשטעלט, וויא ער זיצט רוהיג ביי זיין מוטער און פארברייננגט זיך מיט איהר און מיט סאראקינא און האָט הנאה פון איהרע יסורים. „יא, מען דארף פאָהרען שנעלער,“ האָט זיא זיך געזאָגט, ניט וויסענדיג נאָך וואוהין פאָהרען. איהר האָט זיך געוועלט וואָס שנעלער אוועקגעהען פון יענע געפיהלען, וועלכע זיא האָט איבערגעלעבט איצט אין דעם דאָזיגען שרעקליכען הויז. דיא דינערשאפט, דיא וועגד, דיא זאכען אין דעם דאָזיגען הויז — אלעס האָט אין איהר ארויסגערופען בייזקייט און געשטיקט פון עפּעס א מורא׳דיגער שווערקייט.

„יא, מען דארף פאָהרען אויף דער סטאַנציאָן פון אייזענבאהן, און אויב יט, פאָהרען צו איהם און דאָרט איהם אין דיא אויגען זאָגען.“ אננא האָט זיך איינגעקוקט אין צייטונג, ווען דיא ציגע געהען אָב. אבענדס געהט אָב א צוג אום צוויי מינוט נאָך אכט. „יא, איך וועל נאָך בעווייזען.“ זיא האָט געהייסען איינשפּאַנען אנדערע פערד און האָט זיך גענומען איינלייגען איינגע זאכען אין רייזעטאַש, זאכען וואָס זיינען נויטיג פאר עטליכע טעג. זיא האָט געוואוסט, אז זיא וועט זיך אהער מעהר ניט צוריק־קעהרען. אונקלאָהרערהייט האָט זיא, צווישען די אלע פּלענער, וועלכע זיינען איהר ארויפגעקומען אויפ׳ן זינען, בעשלאָסען אויך אז נאָך דעם וואָס עס וועט פאָרקומען דאָרט אויף דער אייזענבאהן סטאַציאָן אָדער אין דער גרעפינס מאיאָנטעק, וועט זיא פאָהרען אויף דער ניזשעגאראדנער ליניע ביז דער ערשטער שטאָדט און דאָרט וועט זיא זיך אָבשטעלען.

דער מיטאג איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש; זיא איז צוגעגאַנגען האָט א שמעק געטאָהן דעם ברויט און קעז, און איבערצייגענדיג זיך אז איהר איז אבשטויסענד יעדע שפּייז, האָט זיא געהייסען דער קאליאסקע צופאָהרען און זיא איז ארויסגעגאַנגען. דער שאטען פון הויז איז שוין געפאַלען ווייט איבער דער ברייט פון גאס, און עס איז געוועזן א קלאָהרער, ווארעמער פארנאַכט. איהר זיינען אלע געווען איצט אבשטויסענד, אנושקא, וועלכע האָט זיא בעגלייט מיט דיא זאכען, פּיאָטר, וועלכער האָט אריינגעלייגט דיא זאכען אין קאליאסקע, און דער קוטשער מיט זיין אונצופריעדענעם פּנים — אלע האָבען זיא אויפגערעגט מיט זייערע ווערטער און בעוועגונגען.

— איך דארף דיך ניט, פּיאָטר.

— און וויא־זשע מיט א בילעט קויפען?

— נו, וויא דוא ווילסט, מיר איז אלץ איינס — האָט זיא געזאָגט מיט פערדרוס.

פּיאָטר איז ארויפגעשפּרונגען און געזעצט זיך לעבען קוטשער, און איינשפּארענדיג דיא האנד אין זייט, האָט ער געהייסען דעם קוטשער פאָהרען צום וואקזאל.

## 30.

„אַט איז דאָס ווידער! איך הויב ווידער אָן אַלעס צו פאַרשטעהן“, האָט זיך געזאָגט אננאַ, וויא נור דיא קאַליאסקע האָט זיך א ריהר געטאָהן און האָט אנגעהויבען צו דונערן איבער דער ברוקירטער גאַס, און איינע נאָך דיא אנדערע האָבען זיך ווידער געגומען ענדערען איהרע איינדריקע.

„וואָס איז עס געוועזן דאָס לעצטע, וועגען וואָס איך האָב אזוי גוט געטראכט“, האָט זיא געזוכט זיך צו ערמאָנערען. „טיוטקינס פריזור? ניין, נים דאָס. יא, וועגען דעם וואָס יאַשווין האָט גערעדט: קאַמפף אומ'ס דאַזיין און האַסס — דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס עס פערבינדעט מענשען. ניין, אומזיסט פאָהרט איהר — האָט זיא זיך אין איהרע געדאַנקען א וועגד געטאָהן צו א קאָמפּאַניע, וועלכע איז געפאָהרען אין א פיער־געשפאַן, מסתמא צו פאַרברייגגען א גוטען אבענד אויסען שטאָדט — און אפילו דער הונד, וועלכען איהר פיהרט מיט זיך וועט אייך ווייניג העלפען. איהר וועט פון זיך אַליין ניט אנטלויפען“. זיא האָט א בליק געטאָהן אין דער זייט, וואוהין פּיאָטר האָט געקוקט און זיא האָט דערזעהען א טויט־שיכור'ען פאַבריק־ארבייטער, וועמען א פּאָליציייסקער האָט געשלעפּט ערגעץ. „אַט דער דאָזיגער — האָט שוין גיכער געפונען“, האָט זיא א טראַכט געטאָהן. „מיר, איך מיט גראַף ווראָנסקין האָבען אפילו דעם פערגעניגען ניט געקאָנט געפינען, אבוואָהל מיר האָבען פון איהם פיעל ערוואַרטעט.“

און אננאַ האָט איצט אָנגעשטעלט דיא העלע ליכטיגקייט, וועלכע האָט איהר בעלייכטעט אַלעס, אויף דיא בעציהונגען צווישען איהר און ווראָנסקין, וועגען וועלכע זיא האָט פריהער אויסגעמיידט צו דיינקען. „וואָס האָט ער אין מיר געזוכט? ניט אַזוי פיעל ליעבע, וויפיעל דיא בעפריעדיגונג פון זיין אייטעלקייט“. זיא האָט זיך איצט דערמאָנט אויף זיין אויסזעהען, זיינע ווערטער, דעם אויסדרוק פון זיין פּנים אין דער צייט פון זייער פערבינדונג, און דאָס האָט איהר דערמאָנט א הינטישע אונטערטהעניגקייט. און איצט ווערט דאָס אַלעס בעשטעטיגט. „יא, ער האָט טריאומפירט פון דעם ערפאָלג פון זיין אייטעלקייט. געוויס, ס'איז געוועזן אויך ליעבע, אָבער מעהרסטענטהייל איז דאָ געוועזן דער שטאָלץ פון ערפאָלג. ער האָט זיך געריהמט מיט מיר. איצט איז דאָס אַריבער. ניטאָ מיט וואָס צו שטאָלצירען. ניט שטאָלצירען קומט אויס, נור שעהמען זיך. איך בין פאַר איהם א לאַסט און ער זוכט צו זיין אונעהרליך צו מיר. ער האָט פון מיר גענומען אַלעס, וואָס ער האָט געקאָנט, און איצט דאַרף ער מיך מעהר ניט. ער האָט זיך נעכטען ארויסגערעדט — ער וויל א גט און חתונה האָבען אום צו פאַרברענגען הינטער זיך זיינע שיפען. ער ליעבט מיך, אָבער וויא? דיא קאַמעדיע איז צו ענדע. דער דאָזיגער וויל אַלעמען פערוואונדערען און איז זעהר צופריעדען מיט זיך“, האָט זיא א טראַכט געטאָהן, קוקענדיג אויף א רייטען פריקאַזטשיק, וועלכער איז געפאָהרען אויף א קאַוואַלעריסקען פערד. „יא, יענעם געשמאַק געפינט ער שוין אין מיר מעהר ניט. ווען איך וועל אַוועק פון איהם, וועט ער ביי זיך אין הארצען צופריעדען זיין דערפון.“

דאָס איז פאַר איהר ניט געווען קיין השערה — זיא האָט עס איצט קלאָהר געזעהען דורך דער העלער ליכטיגקייט, וועלכע האָט פאַר איהר איצט געעפענט דעם זינען פון לעבען און דיא בעציהונגען צווישען מענשען.

„מיין ליעבע ווערט אַלץ ליידענשאַפטליכער און עגאָאיסטישער, און זיינע ווערט אַלץ מעהר און מעהר פערלאָשען, און דאָס איז פאַר וואָס מיר צוגעהען זיך — האָט זיא פאָרטגעזעצט צו טראַכטען — און העלפען דערצו קאָן מען ניט. פאַר מיר איז אַלעס קאָנצענטרירט אין איהם איינעם, און איך פאָדער, אַז ער זאָל אַלץ מעהר און מעהר זיך מיר אָבגעבען. און ער וויל אַלץ מעהר און מעהר דערווייטערען זיך פון מיר. מיר זיינען נעמליך געגאַנגען איינער דעם אַנדערען אנטגעגען ביז וואַנען מיר האָבען זיך פערבונדען, און נאָך דעם האַלטען מיר אין איין צוגעהן זיך אין פערשיעדענע זייטען. און ענדערן דאָס איז שוין אונמעגליך. ער זאָגט מיר, אַז איך בין אונזיניג אייפערזיכטיג, און איך אַליין זאָג זיך דאָך אויך אַז איך בין אונזיניג אייפערזיכטיג; אָבער דאָס איז ניט אמת. ניט איך בין אייפערזיכטיג, זאָנדערן איך בין אונצופריעדען. אָבער...“ זיא האָט צועפענט דאָס מויל און האָט זיך פון אויפרעגונג איבערגעזעצט אין קאַליאסקע; זיא איז אויפגערעגט געוואָרען פלוצלונג פון אַ געדאַנק, וואָס האָט זיך ערוועקט אין איהר. „ווען איך וואָלט פאַר איהם געקאָנט זיין עפּעס אויסער אַ ליעבהאַבערין, וועלכע ליעבט ליידענשאַפטליך בלויז זיינע צערטליכקייטען; אָבער איך קאָן ניט און איך וויל ניט זיין פאַר איהם עפּעס אַנדערעס. און דערמיט דערוועק איך אין איהם אבשטויס, און ער ערוועקט אין מיר בייזקייט, און אַנדערש קאָן דאָס שוין ניט זיין. ווייס איך דען ניט, אַז ער וועט ניט אָנהויבען מיך נאַרען, אַז ער האָט באמת קיין אויסקוק אויף סאָראָקינאַ, אַז ער איז ניט פערליעבט אין קיטי, אַז ער וועט מיר ניט אונטריי זיין? איך ווייס דאָס גאַנץ גוט, אָבער מיר ווערט דערפון ניט לייכטער. אויב ער וועט, ניט ליעבענדיג מיך, בלויז אויס פּ פ ל י כ ט זיין גוט צו מיר, צערטליך, און דאָס וואָס איך וווינש וועט ניט זיין — דאַן איז דאָך דאָס ערגער, טויזענדער מאָהל ערגער איידער זיין בייזקייט! דאָס איז דאָך — גיהנום! און דאָס איז עס איצט. ער ליעבט מיך שוין לאַנג ניט. און וואו עס ענדיגט זיך ליעבע, דאָרט הויבט זיך אָן האַסס... דיא דאָזיגע גאַסען קען איך גאָר ניט. עפּעס בערג גאָר, און אַלץ הייזער, הייזער... און אין דיא הייזער אַלץ מענשען, מענשען... וויא פיעל זיי זיינען, אָהן אַ שיעור, און זיי אַלע האַסען איינער דעם צווייטען. נו, לאָמיך צוטראַכטען פאַר זיך עפּעס, וואָס איך וויל אום איך זאָל קאָנען זיין גליקליך. נו, לאָמיר זאָגען, אַז איך בעקום אַ גט; אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גיט מיר אָוועק סעריאָזשאַן, און איך האָב חתונה פאַר ווראָנסקין.“

דערמאָנענדיג זיך וועגען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, האָט זיא באַלד מיט אונגעוועהנליכער קלאָהרקייט זיך פאָרגעשטעלט איהם אַזוי לעבעדיג מיט זיינע ווייכע, לעבלאָזע פערלאָשענע אויגען, בלויע אָדערן אויף דיא ווייסע הענד, זיין ארויסריידען קאָרעקט דיא ווערטער און קנאַקען דיא פינגער, און איהר האָט אָבגעטרויסעלט פון אבשטויס. „נו, איך וועל בעקומען אַ גט, און וועל זיין ווראָנסקים פרוי. וואָס־זשע וועט זיין? וועט קיטי אויפהערען אויף מיר צו קוקען אַזוי, וויא זיא האָט היינט געקוקט? ניין. און סעריאָזשא וועט דען אויפהערען פרעגען

אָדער טראַכטעט וועגען מיינע צוויי מאַנען? און וואָס פאַר אַ נייעם געפיהל קאָן איך צוטראַכטען צווישען מיר און ווראָנסקין? איז דען מעגליך, שוין ניט ריידענדיג פון גליק, נור לעבען לכל הפּחות אָהן יסורים? ניין און ניין!" האָט זיא זיך איצט געענטפערט אָהן דעם מינדעסטען צווייפעל: „אונמעגליך! דאָס לעבען אליין צושיידט אונז, און איך מאַך איהם אונגליקליך. און ער — מיך. און איבערמאַכען איז דאָך אונמעגליך אי מיך אי איהם. אַלע פּראָבעס זיינען שוין געמאַכט געוואָרען; אַ שרייפעל האָט זיך אָבגעשרויפט... יא, אַן ארעמינקע מיט אַ קינד. זיא מיינט, אַז אויף איהר איז אַ רחמנות. זיינען דען מיר אַלע ניט אַריינגעשליידערט אין דער וועלט נור צוליעב דעם, כדי צו האַסען איינער דעם צווייטען, און דארום פּייניגען זיך און אַנדערע? גימנאַזיכטען געהען — זיי לאַכען. סעריאָזשא?"— האָט זיא זיך דערמאָנט. „אָט האָב איך אויך געמיינט אַז איך האָב איהם געליעבט, און פלעג צונומען ווערן פון מיין אייגענער צערטליכקייט צו איהם. און האָב געלעבט אָהן איהם, האָב איהם פערביטען אויף אַן אַנדער ליעבע און האָב זיך ניט בעקלאָגט אויף דער אויסוועקסלונג אַזוי לאַנג וויא איך האָב זיך בעפריעדיגט מיט יענער ליעבע". זיא האָט איצט דערפיהלט אַן אבשמוים, ווען זיא האָט זיך דערמאָנט וועגען יענער ליעבע. און דיא קלאָהרקייט, מיט וועלכער זיא האָט איצט אַלעס געזעהען, אי איהר לעבען, אי דאָס לעבען פון אַלע מענשען, האָט זיא דערפרעהט. „אַזוי בין איך, אַזוי איז פּיאָטר, און פּיאָדאָר דער קוטשער, און דער יאָזיגער קופּעץ, און אַלע יענע מענשען, וועלכע וואָהנען דאָרט ביי דער וואָלגאַ, וואוהין מען וויל צוציהען מיט דיא דאָזיגע רעקלאַמען און אומעטום, און אימער", האָט זיא געטראַכט ווען זיא איז שוין צוגעפאָהרען צו דעם נידריגען בנין פון דעם ניזשעגאראָדנעם וואקזאַל און ווען איהר אנטגעגען זיינען צוגעלאָפען דיא באַהנבעדיענטע.

— וואוהין וועט איהר באַפעהלען, קיין אביראַלאַווקע? — האָט אַ פרעג געטאָהן פּיאָטר.

זיא האָט לחלוטין פאַרגעסען וואוהין און נאָך וואָס זיא פאָהרט, און זיא האָט קוים געקאָנט פאַרשטעהן דיא פראַגע.

— יא — האָט זיא איהם געזאָגט, דערלאַנגענדיג דעם טייסטער מיט געלד, און נעהמענדיג אין האַנד דעם קליינעם, רויטען רייזע־טאַש, איז זיא אַרויסגעשטיגען פון קאַליאַסקע.

געהענדיג צווישען דער מאַסע צום זאַל פון ערשטען קלאַסס, האָט זיא ביסלעכווייז עראינערט זיך אַלע איינצעלהייטען פון איהר לאַגע. און ווידער האָבען, ווײלעווייז האָפענונג און ווײלעווייז פערצווייפלונג, צושמערצט דיא וואונדען פון איהר אויסגעמאַטערט האַרץ. זיצענדיג אויף דעם דיוואַן אין זאַל און וואַרטענדיג אויפ'ן צוג, האָט זיא מיט אבעקלונג געקוקט אויף דיא אַריינקומענדע און אַרויסגעהענדע און האָט געטראַכט וועגען דעם וויא זיא וועט אָנקומען אויף דער סטאַנציע, און וועט איהם אָנשרייבען אַ צעטעלע און וואָס זיא וועט איהם שרייבען; דערנאָך האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט וויא ער בעקלאָגט זיך איצט פאַר דער מוטער אויף זיין לאַגע און וויא זיא וועט פּלוצלונג אריינקומען אין צימער און וואָס זיא וועט איהם זאָגען. דאַן האָט זיא ווידער געטראַכט וויא דאָס

לעבען וואָלט געקאָנט נאָך גליקליך זיין און וויא פיינליך זיא ליעבט איהם און האסט איהם, און וויא שרעקליך עס קלאפט איהר הארץ.

## 31.

עס האָט זיך דערהערט דער סיגנאל־גלעקעל, עס זיינען פערבייגעגאנגען עטליכע יונגע העררען, מיאוסקייטען, פרעכע; זיי האָבען זיך דוכט זיך געאיילט און פון דעסטוועגען ארומגעקוקט זיך וואָס פאר אַן איינדרוק זיי מאכען; אויך פיאָטר איז דורכגעגאנגען דורכ'ן זאל אין זיין ליווריע און שטיבלעטען, מיט זיין טעמפען, פערדישען פנים. ער איז צו איהר צוגעגאנגען אום צו בעגלייטען צום וואגאָן. דיא טומעלדיגע מענער זיינען אנשוויגען געוואָרען, ווען זיא איז פערבייגעגאנגען פערביי זיי אויף דער פלאטפאָרמע, און איינער האָט דעם צווייטען עפּעס איינגערוימט אין אויער שטילערהייט, געוויס עפּעס שמוציגעס. זיא איז ארויף אויף דעם הויכען טרעפּעל, איז אריין און האָט זיך אליין אוועקגעזעצט אין קופּעי אויף דעם ווייכען פארפלעקטען דיוואן, וועלכער איז אמאָל געוועזן ווייס. פיאָטר האָט מיט א דומען שמייכעל, שטעהענדיג לעבען פענסטער פון וואגאָן, א הויב געטאָהן זיין הוט מיט דיא גאלאָנדלעך אלס צייכען פון אבשיעד; דער פרעכער קאָנדוקטאָר האָט פערמאכט דיא טיהר מיט א קלאפּ. א מיאוסע דאמע, מיט א טיורנור (אננא האָט אין דיא געדאנקען אויסגעטאָהן דיא דאָזיגע פרוי און האָט זיך אָבגעשראָקען וויא מיאוס זיא איז) און מיידעלעך, וועלכע האָבען ניט־נאטירליך געלאכט, זיינען דורכגעלאָפען אונטען אויף דער פלאטפאָרמע.

— ביי קאטערינא אנדרעיעוונא, אלעס איז ביי איהר, טאנטע! — האָט איינע פון דיא מיידעלעך געשריען.

„נאָך א מיידעלע און זיא איז שוין אויך פערקריפּעלט און מאכט גרימאסען“, האָט א טראכט געטאָהן אננא. זיא האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און געזעצט זיך אויף דער אנדער זייט פון פוסטען וואגאָן אום קיינעם ניט צו זעהען. א פארשמירטער, צוקריפּעלטער פויער אין א היטעל, פון אונטער וועלכע עס האָבען ארויסגעשטעקט זיינע צוקודעלטע האָאר, איז פערבייגעגאנגען פערביי דעם פענסטער לעבען וועלכען זיא איז איצט געזעסען, אנבויגענדיג זיך אלץ צו דיא רעדער פון וואגאָן. „עפּעס בעקאנטעס איז אין דעם דאָזיגען מיאוסען פויער,“ האָט זיא א טראכט געטאָהן. און דערמאָנענדיג זיך איהר חלום האָט זיא, ציטערענדיג פון שרעק, אָבגעטראָטען פון דאנען און איז צוגעגאנגען צו דער טיהר פון אנדער ברעג וואגאָן. דער קאָנדוקטאָר האָט אַן עפען געטאָהן דיא טיהר, אריינלאָזענדיג א מאן מיט א פרוי.

— איהר ווילט ארויסגעהן?

אננא האָט ניט געענטפערט. דער קאָנדוקטאָר און דיא אריינגעקומענע האָבען ניט בעמערקט אונטערן שלייער דעם שרעק פון איהר פנים. זיא האָט זיך

אומגעקעהרט צוריק אין איהר ווינקעל און האט זיך געזעצט. דאס פאאר׳ל האט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגען איהר און האט אויפמערקזאם, אבוואהל בעהאלטען, בעקוקט איהר קלייד, ביידע, אי דער מאן אי דיא פרוי האבען איהר אויסגעזעהען אבשטויסענד. דער מאן האט א פרעג געטאהן, צו וועט זיא איהם ערלויבען צו רויכערען; און קענטיג אז ער האט דאס געפרעגט ניט צוליעב רויכערען, נאר צו פערפיהרען מיט איהר א געשפרעך. ווען ער האט בעקומען איהר ערלויבניש האט ער זיך צורעדט מיט זיין פרוי אויף פראנצויז, ערקלערענדיג אז איהם ווילט זיך ריידען מעהר אלס רויכערען. מאן און פרוי האבען גערעדט מאסקירענדיג זיך, האבען גערעדט פון פוסטע זאכען בלויז כדי זיא זאל הערען. אננא האט קלאהר געזעהען, וויא זיי האבען דערעסען איינער דעם צווייטען און וויא זיי האסען איינער דעם צווייטען. און עס איז געווען אונמעגליך ניט צו פיהלען אן אבשטויס פון דיא דאזיגע מיאוסע ברואים.

דער צווייטער קלונג האט זיך דערהערט און גלייך נאך דעם א קלאפעריי פון איבערלייגען באגאזש, א טומעל, געשריי און געלעכטער. פאר אננא׳ן איז געווען אזוי קלאהר אז דא האט קיינער ניט וואס צו פרעהען זיך און קיין זאך ניט פון וואס צו פרעהען זיך, אז דאס געלעכטער האט זיא שמערצליך אויפגערעגט און זיא האט געפיהלט וויא צו פערשטאפען דיא אויערען, נאר ניט צו הערען. ענדליך האט צום דריטען מאהל א קלונג געטאהן, עס האט זיך דערהערט דער סיגנאל־פייף, דאס הוזשען פון דאמפף־קעסעל, דיא קייט האט זיך א ריס געטאהן פאראויס און דער מאן האט זיך איבערגע׳צלם׳ט. „עס וואלט געווען אינטערעסאנט א פרעג צו טאהן איהם, וואס מיינט ער דערמיט“, האט א טראכט געטאהן אננא, קוקענדיג אויף איהם א צובייזטע. זיא האט געקוקט פערביי דער דאמע אין פענסטער אויף דיא מענשען פון פלאטפארמע, וועלכע האבען אויסגעזעהען אזוי וויא זיי וואלטען זיך געגליטשט אויף צוריק. גלייכמעסיג אויפאיטערענדיג אויף דיא ברעגען רעלסעם, האט דער וואגאן, אין וועלכע אננא איז געזעסען פערבייגעטראגען זיך פערביי פלאטפארמע, פערביי א געמויערטע וואנד, פערביי אנדערע וואגאנעם; די רעדער האבען אלץ פליסיגער און גלאטער, מיט א לייכטען קלונג געקלונגען איבער די רעלסעם; דאס פענכטער איז בעלויכטען געווארען פון דער העלער ליכטיגקייט פון דער פארנאכטיגער זונן, און דער ווינטעל האט זיך צושפיעלט מיט דער פארהאנגעל פון פענסטער. אננא האט פערגעסען וועגען איהרע שכנים אין וואגאן און זייענדיג לייכט געוויגט פון׳ם פאהרען, אריינאטהעמענדיג אין זיך דיא פרישע לופט, האט זיא ווידער אנגעהויבען טראכטען.

„יא, ביי וואס האב איך זיך אפגעשטעלט! יא, ביי דעם געדאנק, אז איך וואלט ניט געקאנט צוטראכטען קיין לאגע, אין וועלכער דאס לעבען זאל ניט זיין אן אבקומעניש; אז מיר אלע זיינען בעשאפען געווארען כדי אבצוקומען, צו מאטערען זיך, און מיר אלע ווייסען דאס און מיר טראכטען אויס מיטלען, וויא זיך אליין אבצונארען. און ווען מען דערזעהט דאך דעם אמת, וואס קאן מען מאכען?“

—דערויף איז דעם מענשען געגעבען געווארען שכל, ער זאל קאנען פטור ווערען פון דאס וואס בעאונרוהיגט איהם — האט א זאג געטאהן אויף

פראַנצויז די דאַמע, מאַכענדיג גרימאַסען מיט איהר שפּראַך, אָפּנים א צופריעדענע פון איהר פראַזע.

די דאָזיגע ווערטער זיינען געווען ווי אַן ענטפער אויף אננאַ׳ס געדאַנק.

„פּטור ווערען פון דאָס, וואָס בעאונרוהיגט אונז,“ האָט פאַר זיך וויעדערהאָלט אננאַ. און אַ קוק טאָהנדיג אויף דעם רויט־באַקיגען מאַן און אויף דער דאַרער פרוי, האָט זי פערשטאַנען, אַז די קריינקליכע פרוי רעכענט זיך פאַר אַ ניט־פערשטאַנענע פרויענצימער און אַז דער מאַן נאַרט זי און שטיצט זי אונטער אין איהר מיינונג וועגען זיך. אננאַ האָט ווי געזעהען זייער געשיכטע און אַלע ווינקעלאַך פון זייער נשמה, איבערטראָגענדיג אויף זיי די העלע ליכטיגקייט, מיט וועלכע זי האָט געזעהען איצט אַלעס. אָבער דעריין איז קיין אינטערעסאַנטעס ניט געווען, און זי האָט פאָרטגעזעצט איהרע געדאַנקען.

„יא, דאָס בעאונרוהיגט מיך זעהר, און דערויף איז געגעבען געוואָרען דער שכל פּטור צו ווערען; הייכט עס מען דאַרף פּטור ווערען. פאַר וואָסזשע ניט פערלעשען דאָס ליכט, ווען עס איז מעהר ניטאָ אויף וואָס צו קוקען, ווען עס עקעלט אָפּ צו קוקען אויף דאָס אַלעס? אָבער ווי? פאַר וואָס איז דער קאָנדוקטאָר דורכגעלאָפען? פאַר וואָס שרייען זיי דאָרט, די יונגע לייט אין יענעם וואַגאָן? צו וואָס ריידען זיי? צו וואָס לאַכען זיי? עס איז קיין זאַך ניט אמת, ס׳איז אַלעס פאַלש, אַלעס נאַרעריי, אַלעס שלעכט!...“

ווען דער צוג איז צוגעגאַנגען צו דער סטאַציאָן, איז אננאַ ארויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער מאַסע אַנדערע פּאַסאַזשירען און האָט זיך געהאַלטען אַלץ אָן אַ זייט פון זיי, ווי פון פאַרפּעסטעטע; זי האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם, זוכענדיג צו דערמאָהנען זיך, נאָך וואָס זי איז אהער געקומען צו פאָהרען און וואָס זי האָט אין זינען צו טהאָן. אַלעס וואָס פאַר איהר האָט פריהער אויסגעזעהען אַלס מעגליך, איז איצט אַזוי שווער געווען צו באַדיינקען, בעזאָנדערנס איבער די רוישענדער מאַסע פון די דאָזיגע עקלהאַפטע מענשען, וועלכע גיבען איהר קיין רוה ניט. דאָס זיינען באַהן־בעדיענטע צוגעלאָפען צו איהר פאָרלייגענדיג זייער בעדיענונג; דאָס האָבען יונגע לייטלעך צוגעקוקט זיך צו איהר, אונטערקלאַפּענדיג מיט זייערע קנאָפּעלס אויף די ברעטער פון פּלאַטפאָרמע און ריידענדיג הויך. דערמאָהנענדיג זיך, אַז זי האָט געהאַט אין זיננען צו פאָהרען ווייטער, אויב עס וועט קיין ענטפער ניט זיין, האָט זי אָבגעשטעלט איינעם פון די באַהן־בעדיענטע און האָט אַ פרעג געטהאָן, צי געפינט זיך דאָ ניט אויף דער סטאַנציע אַ קוטשער מיט אַ צעטעלע צו גראַף ווראָנסקי.

אין דער צייט וואָס זי האָט גערעדט מיט די באַהן־לייטע איז צו איהר אונטערגעקומען דער קוטשער מיכאַילא, אַ רויטער, אַ מונטערער, אין

יין שפּאָגעל נייער בלויער פּאדדיאַװוקע, אַ שטאָלצער, אַפּנים װאָס ער איז אַ גוטער שליח, און ער איז צו איהר צוגעלאָפען און דערלאנגט אַ בריעפעל. זיא האָט עעפענט און דאָס הארץ האָט איהר פערדריקט נאָך. איידער זיא האָט איבערגעלעזען:

„עס פערדריסט מיך זעהר, װאָס דאָס צעטעל האָט מיך ניט געטראָפען איידער איך בין געפאָהרען אהער. איך װעל קומען צעהן אַ זייגער“, האָט װראָנסקי געשריבען אויף שנעל.

„אזוי! איך האָב דאָס ערװארט!“ האָט זיא זיך געזאָגט מיט אַ ביטערען שמייכעל.

— גוט, קאָנסט פאָהרען אַ היים — האָט זיא שטיל געזאָגט אַ קעהר טאָהן׳דיג זיך צו מיכאילא׳ן. זיא האָט דאָס געזאָגט שטיל, װארום דאָס שנעלע קלאַפּען פון איהר הארץ האָט געשטערט איהר אטהעם. „ניין, איך װעל זיך ניט לאָזען געפייניגט זיין פון דיר“, האָט זיא אַ טראכט געטהאָן, װענדענדיג זיך מיט אַ סטראַשונאָק ניט צו איהם, ניט צו זיך אליין, נור צו יענעם, װעלכער צװינגט זיא צו מאַטערן זיך, און זיא איז אװעקגעגאנגען איבער דער פּלאטפאָרם פערביי כטאַציאָן.

צװיי דיענסטען, װעלכע האָבען שפּאַצירט אויף דער פּלאטפאָרמע, האָבען אָנגעבויגט דיא קעפּ אַהינטער, קוקענדיג אויף איהר, מאַכענדיג עפּעס אַ בעמערקונג װעגען איהר קאָסטיום: „עכטע“, האָבען זיי געזאָגט אַ מיינונג װעגען דיא שפּיצען, װאָס האָבען בעפּוצט איהר קלייד. דיא יונגע לייט האָבען זיא ניט צורוה געלאָזען. זיי האָבען װידער אריינגעקוקט איהר אין פּנים און האָבען עפּעס שפּאַסהאפט געלאכט מיט ניט קיין נאַטירליכע שטימע, און זיינען פערבייגעגאנגען. דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַציאָן האָט, פערבייגעהענדיג, איהר אַ פרעג געטהאָן צו פאָהרט זיא מיט׳ן צוג. אַ אינגעל, װאָס פערקויפט קװאס, האָט פון איהר ניט אראָבגענומען דיא אויגען. „מיין גאָט, װאו זאָל איך זיך אהין טאָהן?“ האָט זיא געטראכט געהענדיג אלץ װייטער און װייטער אויף דער פּלאטפאָרם. ביים עק האָט זיא זיך אָבגעשטעלט. דאַמען און קינדער װעלכע זיינען געקומען בעגעגנען אַ הערען אין ברילען און װעלכע האָבען הויך גערעדט און געלאכט, זיינען אנשװיגען געװאָרען צוקוקענדיג זיך צו איהר, װען זיא האָט זיך אויסגעגלייכט מיט זיי. זיא האָט אָנגעהויבען שטעלען שנעלערע טריט און איז אָבגעגאנגען פון זיי צום סאַמע ברעג פון פּלאטפאָרם. אַ פראכט־צוג איז אונטערגעקומען. דיא פּלאטפאָרם האָט זיך אָנגעהויבען צו טרויסלען און איהר האָט זיך אויסגעװיזען, אז זיא פאָהרט װידער.

און פּלוצלינג האָט זיא זיך דערמאָהנט װעגען דעם מאַן, װאָס איז דערהרג׳עט געװאָרען פון אַ צוג אין דעם טאָג פון איהר ערשטער בעגעגנים מיט װראָנסקין און זיא האָט פערשטאַנען װאָס זיא דארף טאָהן. מיט האסטיגע, לייכטע טריט איז זיא אראָבגעגאנגען אראָב דיא טרעפּלעך פון פּלאטפאָרם, װעלכע האָבען געפיהרט פון דער װאסער־דאמפּף־פּומפּע צו דיא רעלסעם און האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען צוג, װאָס איז געגאנגען פערביי. זיא האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם אונטערשטען טהייל פון דיא װאגאָנעס, אויף דיא שרויפען און קיי־

טען און אויף דיא הויכע אייזערנע רעדער פון דעם ערשטען וואגאן, וואס האבען זיך געקייקעלט פערביי איהר און האט מיט דער אויג א כאפ געטהאן דיא מאס צווישען דיא פאדערסטע און הינטערשטע רעדער און געזוכט צו בעשטימען דיא מינוט, ווען דער מיטען וועט זיין אקוראט געגען איהר.

„אהין! — האט זיא זיך געזאגט, קוקענדיג אין שאטען פון וואגאן אויף דעם צומישטען זאמד מיט קוילען־שטויב, מיט וועלכען דיא שפאלען זיינען געווען פערשאטען — אהין, אויפן סאמע מיטען, און איך וועל איהם בעשטראפען און וועל אליין בעפרייט ווערען פון אלעמען און פון זיך".

זיא האט געוועלט א פאל טאהן אונטער'ן מיטען פון ערשטען וואגאן, וואס האט זיך איצט אויסגעגלייכט מיט איהר; אבער דער רויטער רייזע־טעשעל, וועלכען זיא האט גענומען אראבנעהמען פון האנד, האט זיא פערהאלטען, און עס איז שוין געווען צו שפעט: דער מיטען איז פערביי. מען דארף ווארטען אויף דעם פאלגענדען וואגאן. איהר האט אין דעם מאמענט אנגעכאפט דערזעלבער גע־פיהל, וויא ווען זיא פלעגט זיך קלייבען אריינגעהן אין וואסער, באדענדיג זיך, און זיא האט זיך איבערגע'צלם'ט. דיא געוועהנטע בעוועגונג פון צלם'ן זיך האט אין איהר נשמה ארויסגערופען א גאנצע רייהע פון קינדערשע און מיידעלשע ער־אינרונגען, און פלוצלינג האט זיך דער חשך, וועלכער האט פאר איהר אלעס פארדעקט, צוריסען, און אויף א רגע איז פאר איהר ערשיענען דאס לעבען מיט אלע זיינע ליכטיגע פריידען פון איהר פערגאנגענהייט. אבער זיא האט דיא אויגען ניט אראבגענומען פון דיא רעדער פון דעם אונטערקומענדען פאלגענדען וואגאן. און אקוראט אין דעם מאמענט, וואס דער מיטען צווישען דיא רעדער האט זיך מיט איהר אויסגעגלייכט, האט זיא אבגעשליידערט דעם רויטען רייזע־טאש און איינציהענדיג דעם קאפ אין דיא אקסלען, האט זיא א פאל געטהאן אונטער'ן וואגאן אויף דיא הענד, און האט זיך אראבגעלאזען אויף דיא קניע מיט א לייכטער בעוועגונג, וויא זיא וואלט וועלען באלד צוריק אויפשטעהן, און אין דעמזעלבען מאמענט האט זיא א שוידער געטהאן, וואס טהוט זיא דאס. „וואו בין איך? וואס טהו איך? צו וואס?" זיא האט זיך געוועלט א הויב טהאן, אבווארפען זיך אויף צוריק, אבער עפעס אונגעהייערעס, מורא'דיגעס האט איהר געגעבען א שטויס אין קאפ און א רים געטהאן זיא פאר דער פלייצע. „מיין גאט, פערצייהע מיר אלעס!" האט זיא ארויסגערעדט, פיהלענדיג אז קעמפפען איז אונמעגליך. דעם פויער, מורמלענדיג עפעס, האט געארבייט איבער'ן אייזען. און דאס ליכט, וואס האט פאר איהר ליכטיג געמאכט צו לעזען דעם בוך פול מיט אונרוה, פאלש־קייט, יסורים און בייזקייט, האט אויפגעפלאמט נאך מיט העלערען שיין אלס ווען עס איז און האט פאר איהר בעלויכטען אלעס דאס, וואס איז פריהער געווען אין חשך, האט א פלאקער געטהאן מיט א קנאקעריי, האט אנגעהויבען דונקלען זיך און איז אויף אימער פערלאשען געווארען.

# אננא קארעני נא

## אכטער טהייל.

### 1.

צוויי חדשים זיינען אריבער. עס איז שוין געוועזן אין מיטען פון הייסען
זומער, און סערגיי איוואנאָוויטש האָט זיך ערשט איצט געקליבען ארויסצופאָה־
־יען פון מאָסקווא.

אין סערגיי איוואנאָוויטשעס לעבען זיינען פאָרגעקומען פאר דער צייט
זיינע אייגענע פאסירונגען. שוין א יאָהר צייט, וויא זיין ווערק, אויף וועלכע
ער האָט געארבייט זעקס יאָהר איז ערשיענען אונטער דעם נאָמען: א בעאָבאכ־
טונגס־פערזוך וועגען דיא יסודות און פאָרמען פון שטאאט אין אייראָפּא און אין
רוסלאנד.

אייניגע טהיילען פון'ם ווערק זיינען שוין פריהער ערשיענען אלס אר־
טיקלען אין זשורנאלען און זיינען פאָרגעלעזען געוואָרען פון איהם פאר מענשען
פון זיין קרייז, אזוי אז זיי האָבען ניט געקאָנט זיין א פאָלשטענדיג נייע זאך
פאר'ן פובליקום; אָבער דאָך האָט סערגיי איוואנאָוויטש ערווארט אז דאָס בוך
וועט מאכען אן ערנסטען איינדרוק אויף דער געזעלשאפט און אויב ניט אן
איבערקעהרעניש אין דער וויסענשאפט, יעדענפאלס א שטארקען רושם אין
דער וויסענשאפטס־וועלט.

עס איז אָבער אריבערגעגאנגען א וואָך, צוויי, דריי און עס איז ניט גע־
וועזן צו מערקען קיין איינדרוק. זיינע גוטע־פריינד, ספּעציאליסטען און געלעהרטע
האָבען מאנכעס מאָל — אפּנים אויס העפליכקייט — פאררעדט א וואָרט וועגען
דעם בוך. דיא איבעריגע האָבען אָבער זיך גאָר ניט אינטערעסירט מיט זיין ווערק.
אין דער ליטעראטור איז אויך פאר דער צייט פון א מאָנאט קיין וואָרט ניט גע־
זאָגט געוואָרען וועגען דעם.

סערגיי איוואנאָוויטש האָט אויסגערעכענט וויפיעל עס דארף דויערן
א רעצענזיע אָנשרייבען, עס איז אָבער אריבער א מאָנאט, צוויי, דריי אין דאָס־
זעלביגע שטילשווייגען. בלויז אין זשורנאל „סעווערני זשוק", אין א הומאָריסטי־
שען פעליעטאָן וועגען דעם זינגער דראבאנטי, וועלכער האָט פערלאָרען זיין
שטימע, זיינען פערבייגעהענדיג געזאָגט געוואָרען עטליכע ווערטער, מיט א מין
חוזק, וועגען קאזנישאווס ווערק, אז עס איז שוין לאנג פעראורטהיילט געוואָרען
און האָט ערוועקט בלויז געלעכטער.

ענדליך, אין דריי מאָנאט ארום, איז ערשיענען א קריטישער ארטיקעל
אין אן ערנסטען זשורנאל. סערגיי איוואנאָוויטש האָט געקענט דעם שרייבער.
דאָס איז געוועזן א יונגער, קראנקער פעליעטאָניסט, זעהר א שארפער, אלס א
שרייבער, אָבער זעהר ווייניג געבילדעט. ניט קוקענדיג אויף זיין פאָלשטענדיגע
פעראכטונג צום פערפאסער פון קריטישען ארטיקעל, האָט סערגיי איוואנאָוויטש
ערנסט איבערגעלעזען דיא קריטיק. דאָס איז געוועזן עפּעס שרעקליכעס.

# אננא קארענינא

דער פעליעטאָניסט האָט אפּנים פערשטאַנען דעם בוך אַזוי, וויא עס וואָלט געווען אונמעגליך אַזוי עס צו פערשטעהן. ער האָט אָבער זעהר כיטרע אויסגעקליבען דיא ציטאַטען, אַזוי אַז דיא וואָס האָבען דעם בוך ניט געלעזען, האָבען טאַקע כלומר׳שט איינגעזעהען, אַז דער גאַנצער בוך איז אַ זאַמלונג פון פראַזען און הויכע ווערטער, וועלכע האָבען זיך גאָר ניט געפּאַסט (וויא דאָס האָבען געוויזען דיא פראַגע־צייכענס אין דער קריטיק) און אַז דער פערפאַסער איז אַן אונוויסענדער מענש.

„צו האָב איך איהם ניט בעליידיגט מיט וואָס?“ האָט זיך אַ פרעג געטאָהן סערגיי איוואַנאָוויטש. און דערמאָנענדיג זיך, וויא ער האָט דעם יונגען שרייבער אַמאָל פעררירכט אין אַן אונוויסענדען אויסדרוק, האָט ער שוין פערשטאַנען דיא אורזאַכע פון אַזאַ ארטיקעל.

סערגיי איוואַנאָוויטשעס לאַגע איז געווען נאָך בעזונדער שווער דערפאַר, וואָס נאָך דעם וויא ער האָט געענדיגט זיין ווערק, האָט ער ניט געהאַט קיין קאַבינעטנע ארבייט, וואָס האָט פריהער פערנומען דעם גרעסטען טהייל פון זיין צייט. אויף זיין גליק האָבען זיך אַקוראַט אין דער דאָזיגער צייט געביטען דיא פראַגען, מיט וועלכע מען האָט זיך אינטערעסירט אין דער געזעלשאַפט, אנשטאָט דיא פראַגען וועגען דיא רעכטע פון פרעמד־געבאָרענע, וועגען אמעריקאנער פריינד, וועגען סאַמארישען הונגער, וועגען אויסשטעלונג, ספּיריטואַליזם, איז גאָר ארויפגעשוואומען איצט דיא סלאַווישע פראַגע, וועלכע האָט פריהער קוים געצאַנקט אין דער געזעלשאַפט. סערגיי איוואַנאָוויטש איז פריהער אויך געווען איינער פון דיא וואָס האָבען אויפגעוועקט דיא פראַגע.

אין דיא קרייזען, צו וועלכע סערגיי איוואַנאָוויטש האָט בעלאַנגט, האָט מען איצט וועגען קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט וויא בלויז וועגען דער סערבישער מלחמה. אלעס וואָס דיא ליידיג־געהענדע מאַסע טהוט געוועהנליך צו פערטרייבען דיא צייט, איז איצט געטאָהן געוואָרען צו גונסטען פון דיא סלאַווען: באַלען, קאָנצערטען, באַנקעטען, ספּיטשעס, דאַמען־קאָסטיומען, ביער, שיינקען — אלעס האָט עדות געזאָגט, אַז מען פיהלט מיט דיא ברידער סלאַווען.

מיט פיעלעס דערפון איז סערגיי איוואַנאָוויטש ניט געווען איינפערשטאַנען; ער האָט געזעהען, אַז דיא סלאַווישע פראַגע איז געוואָרען איינע פון דיא ניי־מאָדנע בעשעפטיגונגען, אַז זעלבסטזיכטיגע מענשען געפינען דאָס אלס אַ מיטעל פאַר זייערע פערזענליכע צוועקען. ער האָט געזעהען, אַז דיא צייטונגען דרוקען פיעלעס וואָס איז ניט נויטיג און איז איבערטריבען בלויז מיט דעם צוועק צו ציהען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט און איבעריאָגען איינע דיא אַנדערע. ער האָט געזעהען, אַז אין דער דאָזיגער ערוואַכונג פון דער עפענטליכער מיינונג זיינען געשפּרונגען פאָראויס און האָבען געשריען מעהר אין העכער פון אלעמען לא־יוצלח׳דיגע מענשען, וועמען דער שיקזאַל האָט בעליידיגט: פעלד־מארשאַלען אָהן ארמעען; מיניסטאָרען אָהן מיניסטערסטוואָס, זשורנאַליסטען אָהן זשורנאַלען, פאַרטיי־פיהרער אָהן פאַרטיי־מענשען. ער האָט געזעהען, אַז פיעלעס איז דאָ לייכטזיניגעס און קאָמישעס. אָבער ער האָט אויך געזעהען און האָט אַנערקענט, אַז עס שטייגט דער ענטהוזיאַזמוס, וועלכער פעראייניגט אלע קלאַסען פון

דער געזעלשאפט, און אז עס איז אונמעגליך ניט מיטצופיהלען. די אויסשלאכטונג פון גלייכגלויבענדע און ברידער סלאווען האט ארויסגערופען מיטלייד צו די ליידענדע און ענטריסטונג געגען די אונטערדריקער. און די העלדישקייט פון די סערבען און טשערנאגארצעס, וואס האבען געקעמפפט פאר א גרויסער זאך האט ארויסגערופען אין פאלק א פערלאנג זיי צו העלפען, ניט בלויז מיט ווארט, נור טאקע מיט טהאט.

דערצו איז דא געוועזען נאך עפעס, וואס האט סערגיי איוואנאוויטשען דערפרעהט. דאס איז געווען די ערוואכונג פון דער עפענטליכער מיינונג. דעם פאלקס נשמה האט דא געפונען אין וואס אויסצודריקען זיך, וויא עס פלעגט זאגען סערגיי איוואנאוויטש. און איהם האט אויסגעוויזען, אז דאס איז א זאך ערשיינונג, וועלכע וועט מאכען א געשיכטליכע עפאכע.

ער האט זיך דארום אין גאנצען געווידמעט דער זאך, האט זיך אבגעגעבען צו דיענען דער גרויסער אויפגאבע און האט אין גאנצען פארגעסען וועגען זיין בוך. ארבייטענדיג דעריין דעם גאנצען פריהלינג און א טהייל פון זומער, האט ער ערשט אין מאנאט יולי געקליבען זיך צו פאהרען צום ברודער צו לאנד אבצורוהען זיך. און ער האט גערעכענט, אז דארט, אין דארף וועט ער ערשט קאנען הנאה האבען בעאבאכטענדיג די ערהויבונג פון פאלקס גייסט. צוזאמען מיט איהם איז אויך געפאהרען קאטאוואסאוו, וועלכער האט שוין לאנג פערשפראכען לעווינען, אז ער וועט איהם בעזוכען.

2.

קוים האבען סערגיי איוואנאוויטש מיט קאטאוואסאווען בעוויזען צוצופאהרען צום קורסקער וואקזאל, וויא עס זיינען אנגעפאהרען אויך וואלונטירען אויף פיער איזוואזטשיקעס. דאמען מיט בוקעטען האבען זיי בעגלייט צום אייזענבאהן; א מאסע פון פאלק האט זיך א שאט געטאהן נאך זיי אויפ'ן וואקזאל. איינע פון די דאמען האט זיך א ווענד געטאהן צו סערגיי איוואנאוויטשען:

— איהר זייט אויך געקומען בעגלייטען? — האט זיא געפרעגט אין פראנצויז.

— ניין, איך דארף דאס אליין פאהרען, פירסטין. איך פאהר צום ברודער אברוהען זיך. און איהר האלט אין איין בעגלייטען וואלונטירען?

— וויא־זשע דען! — האט געענטפערט די פירסטין — איז דאס אמת, אז פון אונז זיינען שוין 800 מאן ארויסגעשיקט געווארען?

— מעהר פון אכט הונדערט; אויב מען זאל רעכענען די, וואס זיינען אוועק ניט דירעקט פון מאסקווא, איז שוין מעהר פון טויזענד.

— איך האב טאקע אזוי געזאגט! — האט זיא זיך מיט שמחה אנגעכאפט — און אמת, אז מיר האבען שוין געזאמעלט מעהר פון א מיליאן רובעל הילף?

— מעהר, פירסטין.

— און וויא געפעלט אייך היינטיגע טעלעגראמע? ווידער צושלאָגען דיא טערקען.

— יא, איך האָב געלעזען — האָט געענטפערט סערגיי איוואַנאָוויטש.

— אך, יא, ווייסט איהר, איין פראַכטפולער יונגער מענש האָט זיך געבעטען אלס וואָלונטיר. איך ווייס ניט, פאַר וואָס מען נעהמט איהם ניט אָן. איך האָב דאָס אייך טאַקע געוואָלט בעטען וועגען איהם. איהם האָט צוגעשיקט דיא גרעפין לידיא איוואַנאָוונא.

סערגיי איוואַנאָוויטש איז אריין אין זאל פון ערשטען קלאַס, האָט אָנגעשריבען אַ צעטעלע צו וועמען נויטיג איז וועגען דעם יונגען מענשען און האָט עס איבערגעגעבען דער פירסטין.

— ווייסט איהר, גראַף וראָנסקי, דער בעוואוסטער... פאָהרט דאָך אויך מיט דעם צוג — האָט געזאָגט דיא פירסטין מיט בעגייסטערונג און מיט אַ פיעלדייטיגען שמייכעל.

— יא, איך האָב געהערט, אז ער פאָהרט, איך האָב אָבער ניט געוואוסט וועןֹ. פאָהרט ער מיט דעם צוג?

— איך האָב איהם געזעהען. דאָ איז ער; בלויז דיא מוטער בעגלייט איהם. דאָס איז פון דעסטוועגען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט טאָהן.

— א, יא, געוויס.

אין דער צייט וואָס זיי האָבען דאָ אזוי גערעדט, האָט זיך דיא מאַסע אַ שפּאַר געטאָהן צום עס־טיש. זיי זיינען אויך צוגעגאַנגען נעהענטער און האָבען דערהערט דעם הויכען קול פון איין העררן, וועלכער האָט מיט אַ באָקאַל אין האַנד געהאַלטען אַ רעדע פאַר דיא וואָלונטירען. „צו דינען פאַר דער אמונה, פאַר דער מענשהייט, פאַר אונזערע ברידער — האָט ער אַלץ געהויבען העכער דיא שטימע — פאַר דער דאָזיגער גרויסער אויפגאַבע זעגענט אייך דיא מוטערל מאָסקווא. זשיוויאָ!“ — האָט ער געשלאָסען זיין רעדע הויך און טרעהרענדיג.

אַלע האָבען אונטערגעכאַפּט דאָס געשריי „זשיוויאָ!“ און אַ נייע מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטאָהן אין וואקזאל און האָט אראָבגעשטויסען פון דיא פיס פון דיא פירסטין.

— א, פירסטין, וואָס זאָגט איהר! — האָט אַ זאָג געטאָהן סטעפּאַן ארקאדיעוויטש, וועלכער איז עפּעס פּליצלונג דאָ ערשיענען פון מיטען דער מאַסע — ניט אמת, פּראַכטפול, וואַרעם געהאַלטען זיין רעדע? בראַוואָ! סערגיי איוואַנאָוויטש! וואָלט איהר אפשר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, איהר וואָלט דאָס אזוי גוט געזאָגט — האָט ער זיך אַ קעהר געטאָהן מיט דרך ארץ אנריהרענדיג סערגיי איוואַנאָוויטשען.

— ניין, איך פאָהר גלייך אָב.

— וואוהין?

— אין דאָרף, צום ברודער.

— א, וועט איהר דאָך דאָרט זעהען מיין פרוי. זאָגט איהר, זייט אזוי גוט, אז איהר האָט מיך געזעהען און אז איך בין אָל־ראיט. זיא וועט שוין פאַר־

שטעהן. יא, זאָגט איהר שוין פאַר איין וועגס, אז איך בין בעשטימט געוואָרען אויף דער שטעלע אלס מיטגליעד פון דער קאָמיסיאָן פון די פעראייניגטע.... איבעריגענס, זיא וויים שוין. און ווייסט איהר — האָט ער זיך א קעהר געטאָהן צו דער פירסטין — אז מיאַכקאיא, ניט ליזא, נור ביביש, שיקט טויזענד ביקסען און צוועלף וואָהלטהעטיגע שוועסטער. האָב איך אייך שוין דערצעהלט?

— יא, געהערט, געהערט — האָט אונווילליג געענטפערט קאָזנישאוו.

— אָבער שאדע, וואָס איהר פאָהרט אוועק — האָט געזאָגט סטעפּאַן אר־קאַדיעוויטש — מאָרגען פעראנשטאַלטען מיר א באַנקעט פאַר צוויי וואָלונטירען, בארטניאנסקי פון פעטערסבורג און אונזער וועסלאַווסקי, וועלכער האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט. ער איז דאָס א יונג! ניט וואָהר, פירסטין?

די פירסטין האָט ניט געענטפערט און האָט א קוק געטאָהן אויף קאָז־נישאַוו. אָבער דאָס וואָס סערגיי איוואַנאָוויטש און די פירסטין האָבען גע־וועלט פּטור ווערען פון איהם, האָט אבלאָנסקין ניט געשטעלט אין קיין פערלע־גענהייט. דערזעהענדיג א דאַמע, וועלכע איז פערבייגעגאַנגען מיט א טעלערעל, זאַמלענדיג געלד פאַר דעם קאַמפּף פון די סלאַווען, האָט ער זיא צוגערופען און אריינגעלייגט א פינף־רובלדיגע.

— איך קאָן ניט בלייבען גלייכגילטיג ווען איך זעה די דאָזיגע זאַמלונ־גען, וויא לאַנג ביי מיר איז פאַראַן געלד — האָט ער א זאָג געטאָהן — וויא גע־פעלען אייך די טשערנאַגאָרצעס? בראַווע יונגען!

— וואָס רעדט איהר! — האָט ער פלוצלונג א געשריי געטאָהן ווען די פירסטין האָט איהם געזאָגט, אז ווראָנסקי פאָהרט מיט דעמזעלביגען צוג. אויף א מינוט איז סטעפּאַן ארקאַדיעוויטשעס פּנים אומעטיג געוואָרען. אָבער ער איז באַלד אונטערגעשפּרונגען, צורעכט געמאַכט זיינע באַקענבאַרדען און איז אוועק צום צימער פון וואַקזאַל וואו ווראָנסקי איז געזעסען. סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט שוין פאַרגעסען זיינע פערצווייפעלטע טרעהרען אויף דעם צוריסענעם קער־פּער פון זיין שוועסטער און האָט איצט געזעהען בלויז אין ווראָנסקין א העלד און אַן אַלטען פריינד.

— מיט אַלע זיינע חסרונות, מוז מען זאָגען — האָט זיך אָבגערופען די פירסטין צו סערגיי איוואַנאָוויטש — אז ער בעזיצט אַן אמת רוסישע סלאַווישע נאַטור. איך האָב אָבער מורא, אז ווראָנסקין וועט זיין אונאַנגענעהם איהם צו בעגעגענען. וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען, מיך ריהרט דער שיקזאַל פון דעם מענ־שען. רעדט זיך מיט איהם דורך אויפ'ן וועג — האָט געבעטען די פירסטין — זיינע איצטיגע האַנדלונג קויפט איים זיינע זינד. ניט נור וואָס ער פאָהרט אַליין צום שלאַכטפעלד, ער פיהרט נאָך א גאַנצען עסקאַדראָן אויף זיינע הוצאות.

— יא, איך האָב דערפון געהערט.

— אָט געהט ער — האָט געוויזען די פירסטין, אָנווייזענדיג אויף ווראָנסקין, וועלכער איז געגאַנגען מיט דער מוטער געאָרעמט, אין א לאַנגען מאַנ־טעל און א שוואַרצען הוט. אבלאָנסקי האָט זיך געדרעהט ארום איהם. מען האָט

אָנגעהויבען שפּיעלען „באָזשע צאריא כראני“, ווראָנסקי איז פערשוואונדען אין דער אבטהיילונג פון זיין וואגאָן, וועהרענד אויף דער פּלאטפאָרמע האָבען דיא מאסען געשריען „הורראַ!“ און „זשיוויאָ פאר דיא וואָלונטירען!“

3.

סערגיי איוואנאָוויטש האָט זיך געזעגענט מיט דער פירסטין און אריין מיט קאטאוואסאָווען אין דעם פול געפּאקטען וואגאָן. דער צוג האָט זיך א ריהר געטאָהן.

ווען דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען וואקזאל פון דער נאָהענטסטער גובערנסקער שטאָדט איז סערגיי איוואנאָוויטש ניט געגאנגען צום בופעט און האָט ארומשפּאצירט הין און צוריק איבער דער פּלאטפאָרמע.

דורכגעהענדיג זיך פערביי דער אבטהיילונג פון וואגאָן, וואו ווראָנסקי איז געזעסען, האָט ער באמערקט, אז דאָס פענסטערל איז געווען פערצויגען. אָבער דורכגעהענדיג נאָך אמאָל האָט ער דערזעהען אין פענסטער דיא אלטע גרעפין. זיא האָט איהם צוגערופען.

— איך פאָהר דאָס און בעגלייט איהם ביז קורסק — האָט זיא געזאָגט.

— יא, איך האָב געהערט. וויא שעהן דאָס איז פון זיין זייט! — האָט געענטפערט קאזנישאוו, בעמערקענדיג אז ווראָנסקי איז ניטאָ אין וואגאָן.

— יא, נאָך זיין אונגליק, וואָס איז איהם געבליבען צו טאָהן? אך, וואָס איך האָב איבערגעלעבט! קומט אריין, זייט אזוי גוט. אך, וואָס איך האָב איבער־געלעבט — האָט זיא אָנגעהויבען ווידער ווען סערגיי איוואנאָוויטש איז אריין צו איהר אין וואגאָן — מען קאָן זיך דאָס גאָר ניט פאָרשטעלען! זעקס וואָכען נאָכאנאנד האָט ער מיט קיינעם ניט גערעדט און האָט געגעסען בלויז דאן, ווען איך האָב זיך ביי איהם געבעטען. מען האָט אויף קיין מינוט ניט געטאָרט איהם איבערלאָזען איינעם אליין. מיר האָבען אָבגענומען פון איהם אלעס, מיט וואָס ער האָט געקאָנט זיך א טויט אָנטאָהן. איהר ווייסט דאָך, אז ער האָט זיך שוין איין מאָל געשאָסען צוליעב איהר. יא, זיא האָט געענדיגט, וויא עס האָט גע־דארפט ענדיגען אזא פרוי. אפילו א טויט האָט זיא אויסגעקליבען א מיאוס'ען, א געמיינעם.

— ניט פאר אונז איז צו משפט'ן, גרעפין — האָט מיט א זיפץ געענט־פערט סערגיי איוואנאָוויטש — אָבער איך פארשטעה, אז פאר אייך האָט דאָס געמוזט זיין שווער.

— אך, רעדט ניט. איך האָב געוואָהנט אין מיין מאיאָנטעק, און ער איז געזעסען ביי מיר. מען ברענגט א צעטעל. ער האָט אָנגעשריבען אן ענטפער און אָבגעשיקט. מיר האָבען ניט געוואוסט, אז זיא אליין איז אויך דאָ אויפ'ן סטאנ־ציע. אבענדס דערצעהלט מיר מיין מערי, אז א דאמע האָט זיך אונטערגעווארפען

אונטער א צוג. מיר האָט דאָס גלייך געגעבען א זעץ! איך האָב געבעטען, איהם ניט צו זאָגען. אָבער זיי האָבען איהם שוין געזאָגט. ווען איך בין אריינגעלאָפען אין זיין צימער, איז ער שוין געווען ניט צו דערקענען. ער איז געלאָפען אהין. וואָס דאָרט איז געזוען ווייס איך ניט. נור מען האָט איהם געבראַכט צו פיהרען וויא א טויטען. איך וואָלט איהם ניט דערקענט בשום אופן. „פּראָסטרייישאָן קאמפליט" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען וואַהנזינן כמעט. אך, וואָס איז צו ריידען! וואָס פאַר א שרעקליכע צייט. זאָגט וואָס איהר ווילט, א פערדאָרבענע. וואָס איז דאָס פאַר א פערצווייפעלטע ליידענשאַפט. דאָס איז אַלץ אום וואָס בעזאָנדערעס צו ווייזען. האָט זיך אומגעבראַכט און אַנדערע גוטע מענשען.

— און וואָס איז מיט איהר מאַן? — האָט א פרעג געטהאָן סערגיי איוואַנאָוויטש.

— ער האָט צוגענומען צו זיך איהר טאָכטער. אליאשא האָט אין דער ערשטער צייט צו אַלעם צוגעשטימט. אָבער איצט מאַטערט דאָס איהם שרעקליך, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבען א פרעמדען מענשען זיין טאָכטער. ער קאָן אבער ניט נעהמען צוריק זיין וואָרט. קאַרענין איז געקומען צו דער לויה, אָבער מיר האָבען געזעהען אויסהיטען, אז ער זאָל זיך ניט בעגעגנען מיט אליאשא'ן. פאַר איהם, פאַר דעם מאַן, איז דאָס פון דעסטוועגען לייכטער. זיא האָט איהם פריי געמאַכט. אָבער מיין אָרעמער זוהן האָט זיך אין גאַנצען איהר אָבגעגעבען. ער האָט דאָך אַוועקגעוואָרפען אַלעס — זיין קאַריערע, מיך, און צום סוף האָט זיא אויף איהם שוין גאָר קיין רחמנות ניט געהאַט און האָט מיט איהר טהאַט איהם אין גאַנצען דערשלאָגען. ניין, וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען — איהר טויט גופא אפילו, איז א טויט פון דער ערגסטער פרויענצימער אָהן רעליגיאָן. גאָט זאָל מיר מוחל זיין, אָבער איך קאָן זיך ניט העלפען, איך האַס איהר ערינערונג, ווען איך גיב א קוק אויף מיין פעראונגליקטען זוהן.

— אָבער וויא פיהלט ער איצט?

— דאָס האָט גאָט עפּעס צוגעשיקט א ישועה — דיא דאָזיגע סערבישע מלחמה. איך בין שוין צו אַלט און פאַרשטעה דעריין גאָרנישט, נור פאַר איהם האָט דאָס גאָט געשיקט. נאַטירליך, מיר, אַלס א מוטער איז שרעקליך. אָבער וואָס קאָן מען מאַכען! דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס האָט איהם אַביסעל א הויב געטהאָן. יאשווין — זיין גוטער פריינד — האָט אַלעס פאַרשפּיעלט און געקליבען זיך קיין סערביען. איז ער צו אונז פערפאָהרען און האָט איהם אויך איינגערעדט. איצט האָט ער זיך דערמיט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען. זייט א גוטער און רעדט מיט איהם, איך וואָלט וועלען וויא עס איז צוצושטרייען איהם. ער איז אין אַזא מרה־שחורה שטענדיג. מיט אייך וועט ער גערן זיין. זייט אַזוי גוט, רעדט מיט איהם. ער קומט אָן פון יענער זייט.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט ערקלעהרט, אז ער וועט דאָס גערן טהאָן און איז איבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט פון צוג.

## 4.

אין דעם קרומען אַבענד־שאַטען פון'ם געפּעק, וואָס איז געווען אָנגעוואָרפען אויף דער פּלאַטפאָרם, איז ווראָנסקי, אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אין לאַנגען מאַנטעל און אָנגערוקטען הוט, דיא הענד אין דיא קעשענעס; ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, וויא אַ חיה אין אַ שטייג, אויף יעדע צוואַנציג טריט האַסטיג אַ קעהר טהאָנדיג זיך צוריק. סערגיי איוואַנאָוויטש'ן האָט זיך געדוכט, אַז ווראָנסקי זעהט איהם, נור מאַכט זיך ניט זעהענדיג. פאַר איהם איז דאָס געווען אַלץ איינס. ער איז געשטאַנען איצט העכער פון צו רעכענען זיך מיט ווראָנסקין. ווראָנסקי איז אין זיינע אויגען איצט געווען אַ וויכטיגער טהוער אין אַ גרויסער אַנגעלעגענהייט, און קאָזנישאָוו האָט גערעכענט פאַר זיין פפליכט אַריינצוגעבען איהם מוטה. ער איז צו איהם צוגעגאַנגען.

ווראָנסקי האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט זיך איינגעקוקט, האָט איהם דערקענט און מאַכענדיג עטליכע טריט צו בעגעגנען איהם, האָט ער שטאַרק־שטאַרק געדריקט זיין האַנד.

— עס קאָן זיין, אַז איהר האָט קיין פערלאַנג ניט מיך צו זעהען — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש — אָבער צו קאָן איך אייך מיט עפּעס ניט וועלכע נוצען בריינגען ?

— מיט קיינעם קאָן מיר ניט זיין אַזוי ווייניג אונאַנגענעהם צו זעהען זיך וויא מיט אייך — האָט געזאָגט ווראָנסקי — פערצייהעט מיר. קיין אַנגענעהמעס אין לעבען קאָן פאַר מיר ניט זיין.

— איך פאַרשטעה און האָב געוואָלט פאָרלייגען אייך מיין וויליגקייט ניצליך צו זיין פאַר אייך אויב נויטיג מיט וואָס — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש איינקוקענדיג זיך אין ווראָנסקיס אויגענשיינליך ליידענדען פּנים — צו וואָלט אייך ניט נוצען אַ בריעף צו ריסטיטשען, צו מילאַנען ?

— אָ, ניין ! — האָט, אַזוי וויא ער וואָלט קוים פערשטאַנען, געזאָגט ווראָנסקי — אויב אייך מאַכט דאָס ניט אויס לאָמיר אַרומגעהן. אין דיא וואַגאָנעם איז אַזאַ שטיקענעס. אַ בריעף? ניין, איך דאַנק אייך. אויף צו שטאַרבען דאַרף מען קיין רעקאָמענדאַציעס ניט. סיידען צו דיא טערקען . . . — האָט ער געזאָגט, אַ שמייכעל טאָהנ'דיג בלויז מיט'ן מויל. דיא אויגען האָבען אַלץ געהאַט אַ יסורים'דיג־בייזען אויסדרוק — איך, אַלס מענש, בין נור גוט איצט דערמיט, וואָס דאָס לעבען האָט פאַר מיר קיין ווערטה ניט. און אַז איך האָב גענוג פיזישע ענערגיע אַריינצורייסען זיך אין אַ קאַרע און צורייבען אָדער אַליין פאַלען — דאָס וויים איך. איך בין גערן וואָס עס איז פאַראַן לכל הפחות פאַר וואָס מיין לעבען אַוועקצוגעבען, וואָרום מיין לעבען איז מיר ניט אַזוי נויטיג, וויא איבערדריסיג — און ער האָט געמאַכט אַן אונגעדולדיגע בעוועגונג מיט'ן באַק־ביין פון שרעקליכע אונאויפהערליכע צאהן־שמערצען, וואָס האָט איהם געשטערט צו ריידען אַפילו מיט יענעם אויסדרוק, וויא ער האָט געוועלט.

— איהר וועט ניי־געבאָרען ווערען, איך זאָג דאָס אייך פאָראויס, איהר

וועט אויפלעבען — האט געזאגט סערגיי איוואנאוויטש, פיהלענדיג זיך גערירט — בעפרייען אייגענע ברידער פון א יאך איז א צוועק, פאר וועלכען עס איז ווערטה צו שטארבען און צו לעבען. זאל אייך גאט געבען אויסערליכען ערפאלג און אינערליכע פריעדען — האט ער געענדיגט, דערלאנגענדיג איהם דיא האנד.

ווראנסקי האט שטארק א דריק געטהאן זיין האנד.

— יא, אלס א וואפע, קאן איך פאר עפעס נאך טויגען. אבער אלס א מענש, בין איך — א חורבה — האט ער געזאגט אבציהענדיג דיא ווערטער.

דער רייסענדער ווייטאג פון דעם שטארקען צאהן, וואס האט אנגעפילט מיט גאווער זיין מויל, האט איהם געשטערט צו רייהדען. ער איז אנשוויגען געווארען, איינקוקענדיג זיך אין דיא רעדער פון'ם לאקאמאטיוו, וועלכע האבען זיך גלאט געקייקעלט איבער דיא רעלסעם.

און פלוצלינג האט גאר א נייער, ניט קיין ווייטאג, נור אן אלגעמיין אינערליך מאטערענדער שמערץ און אן אונבעקוועמליכקייט געצוואונגען איהם אויף א ווייל פארגעסען דיא צאהן־שמערצען. א קוק טהאנדיג אויף דעם טענדער, אויף דיא רעלסען, האט זיך איהם דערמאהנט גלייך ז י א, דאס הייסט דאס וואס עס איז נאך געבליבען פון איהר, ווען ער איז וויא א וואהנזיניגער אריינגעלאפען אין דער קאזארמע פון דער אייזענבאהן־סטאציאן: אויפ'ן טיש פון קאזארמע שענדליך אויסגעצויגען צווישען פרעמדע איז געלעגען דער צובלוטיגטער קערפער, נאך פול מיט דעם ניט־לאנגעדיגען לעבען; דער גאנץ־געבליבענער קאפ אבגעווארפען אויף צוריק מיט דיא שווערע צעפ און קרויזעלדיגע האאר אויף דיא שלייפען, און אויף דעם פרעכטיגען פנים, מיט דעם האלבצועפענטען רויטען מויל, א פארגליווערטער זאנדערבארער אויסדרוק, טרויעריג ארום דיא ליפען און שרעקליך אין דיא שטעהן געבליבענע ניט־פערמאכטע אויגען — אן אויסדרוק, וועלכער וואלט וויא אין שפראך ארויסזאגען יענעם שוידערליכען ווארט — וועגען דעם, אז ער וועט חרטה האבען — וואס זיא האט איהם געזאגט אין דער צייט ווען זיי האבען זיך צוהאמפערט.

ער האט אבער געזוכט צו גערדיינקען זיא אזא, וויא זיא איז געווען דאן, ווען ער האט זיא צום ערשטען מאהל בעגעגענט אויך אויף א סטאנציע — אזא געהיימניספולע, פרעכטיגע, ליעבענדע, זוכענדע און געבענדע גליק, און ניט קיין גרויזאם־ראכעדיגע, וויא זיא האט זיך איהם עראינערט אין דער לעצטער מינוט. ער האט געזוכט צו עראינערן זיך דיא בעסטע מינוטען מיט איהם; אבער יענע מינוטען זיינען געווען שוין אויף אויביג פערגיפטעט. ער האט זיא גערדיינקט בלויז איצט אין א געהויבענער פאזע, סטראשענדיג מיט חרטה, פאר קיינעם ניט קיין נויטיגע, אבער קיין מאהל ניט פארגלעטע חרטה. ער האט אויפגעהערט צו פיהלען דעם ווייטאג פון צאהן, און א שלוכצען האט צוקרימט זיין פנים.

דורכגעהענדיג זיך שטום צוויי מאהל לעבען אנגעווארפענע געפעק און בעהערשענדיג זיך, האט ער זיך דערנאך א ווענד געטהאן צו סערגיי איוואנאוויטש:

איהר האט ניט בעקומען קיין טעלעגראמע נאך נעכטיגער? יא, צושלאגען א דריטען מאהל, אבער אויף מארגען ווערט ערווארט אן ענטשיעדענע שלאכט.

און ריידענדיג נאָך אַ ווײַלע וועגען דער פּראָקלאַמירונג פון מילאַנען אלס קעניג און וועגען דיא גרויסע פאָלגען וואָס דערפון איז צו ערווארטען זיינען זיי זיך נאָך דעם צווייטען גלעקעל־קלונג צוגאנגען אין זייערע בעזונדערע וואגאָנעס.

## 5.

סערגיי איוואנאָוויטש איז אָנגעקומען קיין פּאקראווסק אונערווארטעט. קיטי, וועלכע איז געזעסען אויפ׳ן באלקאָן צוזאַמען מיט׳ן פאטער און מיט איהר שוועסטער, האָט דערקענט פון ווייטען דעם צופאָהרענדען שוואָגער און זיא איז אראָבגעלאָפען דיא טרעפּ איהם אנטקעגען.

— וויא שעהמט איהר זיך ניט גאָר ניט אָנצוזאָגען — האָט זיא געזאָגט דערלאנגענדיג דיא האנד און אונטערשטעלענדיג איהם דעם שטערען.

— מיר זיינען זיך געקומען גאַנץ גוט און האָבען אייך ניט בעאונרוהיגט — האָט געענטפערט סערגיי איוואנאָוויטש — איך בין אזוי פערשטויבט, אז איך האָב מורא אָנצוריהרען זיך. און וואָס מאכט איהר? אלץ אויפן זעלבען אופן — האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן, הנאה האָבענדיג פון שטילען גליק אין דעם האָזיגען שטילען פּלאַץ — און דאָס איז אונזער פריינד פיאָדאָר וואסיליעוויטש געקומען צו אייך צו גאסט צוזאַמען מיט מיר.

— אָבער אין אמת׳ן בין איך ניט קיין נעגער, איך וועל זיך איינוואשען וועט איהר זעהען, אז איך זעה אויס וויא אַ מענש — האָט געזאָגט קאטאוואסאָוו מיט זיין געוויינליכען שפּאַס, דערלאנגענדיג דיא האנד.

— קאָסטיא וועט זיך זעהר פרעהען.

— בעשעפטיגט זיך נאָך אלץ מיט ווירטהשאפט. דאָס הייסט ווירקליך פערקלייבען זיך — האָט געזאָגט קאטאוואסאָוו — און מיר, דארט אין שטאָדט, זעהען גאָרנישט אויסער דער סערבישער מלחמה. נו, וויא טראכט מיין פריינד וועגען דעם, מסתמא ניט וויא אלע מענשען ?

— יאַ, ער, נישטקשה, אזוי זיך, וויא אלע — האָט אביסעל פארשעהמט געענטפערט קיטי, — איך שיק גלייך נאָך איהם. פּאפּא איז ביי אונז אויך צו גאסט, ניט לאַנג פון אויסלאנד.

און זיא האָט גלייך געזעהען, אז מען זאָל געהן אין פעלד רופען לעווינען, אז מען זאָל ווייזען פאַר דיא געסט זייערע פלעצער און געבען איינצו־וואשען זיך.

— דוא נעה, טהייערינקע, צו זיי — האָט קיטי אַ בעט געטהאָן דיא שוועסטער — פארברייננ מיט זיי ביז ער וועט קומען. זיי האָבען געזעהען סטיוואַ׳ן אויפן וואקזאל, ער איז געזונד. און איך וועל אַ לאָף טהאָן צו מיטיען. איך האָב איהם דאָך נאָך פון טהעע אָן ניט געזויגט. ער האָט זיך איצט מסתמא שוין אויפגעכאפּט און שרייט — און דערפיהלענדיג דעם צופלוס פון מילך איז זיא שנעל אוועק אין קינדער־צימער.

און ווירקליך, זיא האט עפעס ניט אזוי וויא געטראפען, נור אויף זיכער דערקענט פון׳ם צופלוס פון מילך ביי זיך, אז עס פעהלט נאהרונג ביי איהם. זיא האט געוואוסט, אז ער שרייט נאך איידער זיא איז אריינגעקומען אין קינדערצימער. וואס שנעלער עס זיינען געווען איהרע טריט אלץ העכער האט ער געשריען מיט א געזונדער, גוטער שטימע, אבער הונגעריג און אונגעדולדיג.

— שוין לאנג, ניאניא, שוין לאנג? גיט מיר איהם דאך שנעלער. אך, ניאניא, וואס פאר א לאנגווייליגע איהר זייט, איהר וועט דערנאך פערבינדען איידער צעפיק.

— אבער מען קען דאך ניט אזוי, מאמינקע — האט געזאגט אגאפיא מיכאילאוונא — מען דארף דאך צורעכט מאכען — אהו, אהו ! — האט זיא זיך צוזונגען צוטראגענדיג דעם קינד צו דער מוטער — ער דערקענט, ער דערקענט. גלייבט מיר, וויא גאט, מאמינקע קאטערינא אלעקסאנדראוונא, ער האט מיך דערקענט !

אבער קיטי האט זיך ניט צוגעהערט. איהר אונגעדולד האט געשטיגען, וויא דיא אונגעדולד פון קינד. אוים אונגעדולד איז דאס צוגעאנגען ניט גלאטיג. דאס קינד האט געכאפט ניט דאס, וואס מען דארף, און איז געווען אין כעס.

ענדליך נאך א פערצווייפעלטען אטהעם־פערכאפענדען געשריי און פערבליבען זיך, האט זיך דיא זאך איינגעארדענט, און דיא מוטער מיט׳ן קינד האבען זיך געפיהלט בערוהיגטע און זיינע ביידע שטיל געבליבען.

— ער איז אבער נעביכקע דורכאוים פערשוויצט — האט שעפּצענדיג געזאגט קיטי, ארומטאפּענדיג דאס קינד — פאר וואס מיינט איהר, אז ער דערקענט ? — האט זיא זייטיג זיך צוגעקוקט אויף דיא פלוטאוואטע אויגלעך פון קינד, וועלכע האבען אויף איהר געקוקט פון אונטער דעם אנגערוקטען הייבעל פון שטערן, אויף זיינע גלייכמעסיג און אנבלאזענדיגע בעקלעך, — עס קאן ניט זיין! ווען ער וואלט קאנען דערקענען, וואלט ער דאך מיך דערקענען.

זיא האט א שמייכעל געטהאן דערפון, וואס אבוואהל זיא זאגט אז זיא גלויבט ניט, אז ער קאן דערקענען, פון דעסטוועגען וויים זיא אין הארצען, אז ניט בלויז דערקענט ער אגאפיא מיכאילאוונא, נור אז ער וויים און פארשטעהט פיעלעס, וואס אנדערע ווייסען ניט, און וואס זיא, זיין מוטער, האט זיך דערוואוסט און אנגעהויבען צו פארשטעהן נור איהם צו פערדאנקען.

— און אט וועט איהר אליין זעהען, ווען ער וועט זיך אויפכאפען פון שלאף. וויא איך גיב נור אזוי א מאך. ווערט אין גאנצען ליכטיג זיין פנים׳ל, טייבעלע מיינס, אזוי ליכטיג, וויא קלאהרינקער טאגעלע — האט גע׳טענה׳ט אגאפיא מיכאילאוונא.

— גוט, גוט, וועלען מיר זעהען. געהט, ער שלאפט איין, — האט שטיל געשפּעצעט קיטי.

דיא ניאניא האט ארויסגעגאנגען דעם גארדין, האט ארויסגעיאגט דיא פליגען פון אונטער דעם טולענעם איבערהאנג איבער׳ן בעטעל און האט זיך געזעצט פאכען מיט א בעריאזעווען צווייגעל איבער׳ן מוטער און קינד.

# אננא קארענינא

— אזא היץ! וואָלט גאָט געגעבען אַ רעגעלע לכל הפחות — האָט זיא נערעדט.

— יא, יא, ש־ש־ש... — האָט בלויז געענטפערט קיטי, לייכט וויגענדיג איהם און צערטליך פרעסענדיג צו זיך דאָס ווייכע הענטעל, וועלכע מיטיא האָט בעוועגט, עפענענדיג און פערמאַכענדיג דיא אויגלעך. איבער'ן הענטעל איז קיטי געוועזען אין פערלעגענהייט; איהר האָט זיך געוועלט אַ קוש טאָהן ס'הענטעלע, אָבער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך דערפון אויפכאַפּען.

„נו, זיי האָבען זיך דאָרט מסתמא צורעדט אָהן מיר, — האָט זיא אַ טראַכט געטהאָן — אַ פערדרוס פון דעסטוועגען, וואָס קאָסטיא איז נאָך ניטאָ. ער איז מסתמא ווידער אַוועק צו דיא ביהן־שטאָקען. אפילו אַ פערדרוס, וואָס ער איז דאָרט אַזוי אָפט, אָבער פון דעסטוועגען בין איך גערן. ער איז איצט דאָך מונטערער וויא ער איז געווען אין פריהלינג. ער איז געווען אַזוי, אַז איך האָב זיך געוועזען געשראָקען פאַר איהם, און וואָס פאַר אַ קאָמישער ער איז!“ — האָט זיא אַ מורמעל געטהאָן שמייכלענדיג.

זיא האָט געוואוסט, פון וואָס איהר מאַן איז געמאַטערט. פון זיין ניט גלויבען. „צו וואָס לעזט ער אַ גאַנצען יאָהר אַלץ עפּעס אַזעלכע פילאָסאָפיע? — האָט זיא געטראַכט — אויב אין דיא דאָזיגע ביכער איז אַלעס געשריבען, אַז ענטפער אויף דיא אַלע פראַגען, קאָן ער זיי דאָך פארשטעהן. און אויב דאָרט איז ניט קיין אמת, איז צו וואָס דאַרף ער זיי לעזען? ער זאָגט אַליין, אַז ער וואָלט וועלען גלויבען. אויב אַזוי, פאַר וואָס זשע גלויבט ער ניט? דאָס איז דערפון, וואָס ער טראַכט אַזוי פיעל. אַלץ איינער אַליין, איינער אַליין. איך דיינק, אַז דיא געסט וועלען איהם זיין אנגענעהם, בעזאָנדערנס קאַטאַוואַסאָוו“.

„יא, אַ ניט־גלויבענדער! אָבער בעסער זאָל ער אויך אימער בלייבען אַזאַ אַלס וויא די מאַדאַם שטאַהל אדער ווי איך האָב געוואָלט דאַמאָלט זיין אין אויסלאַנד. ניין, ער איז שוין גאָרניט דער מענש, וואָס זאָל זיך קאָנען מאַסקירען.“

און זיא האָט זיך איצט קלאָהר פאָרגעשטעלט די סמנים פון זיין גוטהארציגקייט. מיט צוויי וואָכען צוריק האָט דאָללי ערהאַלטען סטעפּאַן ארקאַדיעוויטשעס אַ חרטה־בריעף, אין וועלכען סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט זיך געבעטען ביי זיין פרוי, אַז ער האָט חוטא און טהוט תשובה אויף אַלע זיינע מעשים, נור זיא זאָל ראַטעווען זיין נאָמען, זיין עהרע און פאַרקויפען איהר מאַיאָנטעק צו בעצאָהלען זיינע חובות. דאָללי איז געווען פערצווייפעלט, האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן, האָט געהאַסט דעם מאַן, פעראַכטעט איהם און געענדיגט דערמיט, אַז זיא האָט שוין געוואָלט איינשטימען. קאָסטיא האָט דאָס געוואוסט און ער האָט געזוכט אַלץ אויף וואָס פאַר אַן אופן ער קאָן העלפען דאָללי'ן, אַז זיא זאָל ניט זיין בעליידיגט און זאָל ניט פיהלען אַלס אַ וואָהלטהאָט, ביז ער איז געפאַלען אויף דעם איינפאַל אַז קיטי זאָל אוועקגעבען דאָללי'ן איהר טהייל פון יענעם מאַיאָנטעק.

„וואָס־זשע פאַר אַ אונגלויבענדער איז ער? מיט זיין האַרץ, מיט זיין מורא צו פערלעצען יענעם, אפילו אַ קינד! אַלץ פאַר אַנדערע, פאַר זיך גאָר נישט. זיי דאָך בלויז אַזאַ ווי דיין טאַטע, בלויז אַזאַ“, האָט זיא אַרויסגערעדט צוריהרענדיג זיך מיט דיא ליפּען צום קינדס בעקעל.

## .6

פון יענער מינוט אָן, וואס לעווין זעהענדיג זיין שטארבענדען ברודער האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף דיא פראגען פון לעבען און טויט דורך די נייע איבערצייגונגען, ווי ער האט זיי אָנגערופען, האָט ער זיך דערשראָקען ניט אזוי פיעל פאר'ן טויט, וויפיעל פאר'ן לעבען. ער האט זיך געשראָקען צו לעבען אָהן דעם מינדעסטען וויסען, פון וואנען, פאר וואס, צו וואָס און וואס איז דאס אזוינס לעבען. דער אָרגאניזם, זיין פערניכטונג, די אונצושטערבארקייט פון שטאָף, דאס געזעץ פון פרעזערווירונג פון קראפט, דער פראָצעס פון ענטוויקלונג — דאס זיינען געווען ווערטער, וועלכע האבען איהם פערביטען דעם פריהערדיגען גלויבען. די דאָזיגע ווערטער און זייערע בעגריעפע זיינען גוט פאר שכל'דיגע צוועקען; אָבער פאר'ן לעבען גיבען זיי גאָרנישט. און לעווין האָט זיך דערפיהלט פלוצלינג אין דער לאגע פון א מענשען, וועלכער האָט פערביטען א ווארעמען פוטער אויף קליידער פון מוסלין און וועלכער איבערצייגט זיך צום ערשטען מאָל אויפ'ן פראָסט ניט בלויז מיט זיין שכל, נור מיט'ן גאנצען וועזען, אז עס איז דאָסזעלביגע וויא זיין א נאקעטער און אז ער מוז אומקומען.

פון יענער מינוט אָן האָט לעווין ניט אויפגעהערט צו פיהלען דעם שרעק פאר זיין ניט־וויסען, הגם זיין לעבען איז געגאנגען וויא פריהער. אויסער דעם האָט ער גענומען עפּעס פיהלען, אז דאס וואס ער רופט איבערצייגונגען איז אין אמת'ן ניט נור אונוויסען, נור דאס איז נאָך אזא מין דיינקען, וועלכער דערלאָזט ניט וויסען דאס, וואס פאר איהם איז נויטיג צו וויסען.

פאר איהם איז די פראגע בעשטאנען אין פאָלגענדעם: „אויב איך אָנערקען ניט יענע ענטפערס, וועלכע דאס קריסטענטהום גיט אויף דיא פראגען פון מיין לעבען, היינט וועלכע ענטפערס אָנערקען איך יא?“ און ער האט אין זיין ארסענאל ניט געפונען קיין זאך וואס זאָל אפילו זיין עהנליך צו אן ענטפער. ער איז געווען אין דער לאגע פון א מענשען, וואָס זוכט שפייז אין שפיעלצייג קלייטען און וואפען־מאגאזינען.

מעהר פון אלעס איז ער געווען איבעראשט, וואס דיא מעהרסטע מענשען פון זיין קרייז, ביי וועמען דיא פריהערדיגע אמונה איז פערביטען געווארין מיט דיא נייע איבערצייגונגען, ווי ביי איהם, זיינען זיך געווען צופריעדען און רוהיג. און לעווין האָט זיך געפרעגט נאָך דערצו: צו זיינען די דאָזיגע מענשען אויפריכטיג? צו פארשטעלען זיי זיך ניט אָדער אפשר פארשטעהען זיי אנדערש פין איהם דיא ענטפערס, וועלכע די וויסענשאפט גיט אויף די פראגען, וועלכע אינטערעסירען איהם? און ער האָט זיך גענומען סטארעווען אויסצושטודירען דיא מיינונגען פון דיא דאָזיגע מענשען אין דיא ביכער, וועלכע גיבען וויסענשאפטליכע ענטפערס.

דאס ערשטע האָט ער אויסגעפונען, אז עס איז געווען אַ טעות. וואס ער און זיין קרייז חברים פון אוניווערזיטעט האָבען געמיינט, אז רעליגיאָן האט שוין אויסגעלעבט איהר צייט און עקזיסטירט שוין מעהר ניט. אַט גלויבט נאָך דער אלטער פירכט און סערגיי איוואנאָוויטש, און אלע פרויענצימער גלויבען, און זיין ווייב גלויבט אין נייען און נייענציג פראָצענט פון רוסישען פאָלק, וועמעס לעבען האָט אין איהם ערוועקט רעספעקט, זיי אלע גלויבען.

דאס צווייטע האָט ער אויסגעפונען, נאָך דעם וויא ער האָט איבערגעלעזען פיעל ביכער, אז דיא מענשען וואס האבען די וויסענשאפטליכע נייע איבערצייגונגען וויא ער, זוכען גאָר ניט צו ערקלעהרען די דאָזיגע פראגען; זיי לייקענען נור אָב די דאָזיגע פראגען, און ער האט געפיהלט, אז אָהן אַן ענטפער אויף זיי קען ער ניט לעבען. די דאָזיגע אלע ביכער זוכען גאָר צו לייזען אַנדערע פראגען, וועלכע קאָנען איהם ניט אינטערעסירען, וויא צום ביישפיעל, די ענטוויקלונג פון אָרגאַניזמען, דיא מעכאַנישע ערקלעהרונג פון דער נשמה, א. ז. וו.

אויסער דעם האָט אין דער צייט פון זיין פרוי'ס געהן צו קינד מיט איהם פאַסירט אַ מערקווירדיגע זאַך. ער, דער ניט גלויבענדער, האָט אָנגעהויבען תפילה טאָהן אין דער מינוט, וויא ער וואָלט געווען אַ בעטענדער, אַ גלויבענדער. נור עס איז אַריבער דיא מינוט האָט ער ניט פערשטאַנען וויא ערקלעהרט מען אַזאַ שטימונג אין זיין לעבען. ער האָט ניט געקאָנט אַנערקענען אַז ער האָט דעמאָלט געוואוסט דעם אמת און איצט מאַכט ער א טעות. ווארום וויא ער הויבט דאָס נור אָן צוצוגליעדערן צופאַלט דאָס אויף ברעקלעך; ער האָט אָבער אויך ניט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט דעמאָלט געמאַכט אַ טעות, ווארום איהם איז געווען טהייער דעמאָלטדיגע זעעלען־שטימונג. ער איז געוואָרען געמאַטערט פון דער דאָזיגער ניט איינשטימונג מיט זיך אַליין און האָט אָנגעשטריינגט אַלע זיינע גייסטיגע קרעפטען, אַרויסצוקריכען דערפון.

דיא דאָזיגע געדאַנקען האָבען איהם געמאַטערט אַמאָל מעהר, אַמאָל וויניגער, אָבער זיי האָבען איהם קיין מאָל ניט פערלאָזען. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ביי דיא מאַטעריאַליסטען וועט ער קיין ענטפער ניט געפינען, האָט ער ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל איבערגעלעזען פּלאַטא, שפּינאָזא, קאַנט, שעללי, העגעל, שאָפּענהויער און אַלע יענע פילאָסאָפען, וועלכע האָבען ערקלעהרט לעבען ניט אויף אַ מאַטעריאַליסטישען אופן.

דיא געדאַנקען פון דיא דאָזיגע דיינקער האָבען זיך איהם געדוכט פרוכטבאַר, וויא לאַנג ער האָט דורך זיי אָבגעלייקענט אַנדערע לעהרען, בעזונדערס דיא לעהרען פון דיא מאַטעריאַליסטען; וויא נור אָבער ער האָט אָנגעהויבען צוצולייגען זיי אַלס לייזונג פון דיא פראַגען, האָט זיך אימער ווידערהאָלט דאָסזעלביגע. נאָכפאָלגענדיג אַ לאַנגע בעשטימונג פון אונקלאָהרע ווערטער, וויא ג י י ס ט,  ו ו י ל ע ן,  פ ר י י ה י י ט,  ס ו ב ס ט א נ ץ  און אַריינלאָזענדיג זיך אַליין מיט אַ כיון אין דער פאַסטקע פון דיא דאָזיגע ווערטער, וועלכע דיא פילאָסאָפען האָבען פאַר איהם אַוועקגעשטעלט אָדער ער האָט אַליין פאַר זיך אַוועקגעשטעלט, האָט ער אָנגעהויבען כלומר'שט עפּעס אַזוי וויא פאַרשטעהן. ער האָט אָבער נור געדאַרפט אויף איין האָאָר פאַרגעסען דעם קינסטליכען געדאַנקען־

גאנג און אומקעהרען זיך צו דאָס, וואָס איהם באַפרידיגט, וויא דער גאַנצער קונציגער בנין פלעגט איינפאַלען וויא אַ קאָרטען־שטיבעל. און עס איז געווען קלאָהר, אַז דער בנין ווערט געמאַכט פון דיזעלביגע איבערגעשטעלטע ווערטער, אונאבהענגיג פון עפּעס אַ וויכטיגער זאַך אין לעבען, אלס זיער שכל.

דעם גאַנצען פריהלינג איז ער געווען בעזונדער געמאַטערט פון דיא דאָזיגע פראַגען און האָט איבערגעלעבט שרעקליכע מינוטען: „ניט וויסענדיג וואָס איך בין, צו וואָס איך בין דאָ, קאָן מען ניט לעבען. א יסען דאָס קאָן איך ניט, הייסט דאָס אַז איך קאָן ניט לעבען", האָט זיך געזאָגט לעווין.

„אין אונענדליכער צייט, אין דער אונענדליכקייט פון שטאָף, אין אונענדליכען ים, טהיילט זיך אָב אַ בלאָזיקעל־אָרגאַניזם, און דאָס דאָזיגע בלאָזיקעל וועט זיך האַלטען אַ ווייַלע און וועט פּלאַצען, און דאָס דאָזיגע בלאָזיקעל — דאָס בין איך."

דאָס איז אַ מאַטערנדער ניט־אמת, אָבער דאָס איז דער איינציגער לעצטער רעזולטאַט פון דיא דורות נאָך דורות אַרבייט פון מענשליכען געדאַנק אין דער ריכטונג. אָבער דאָס איז דאָך ניט נור ניט קיין אמת, דאָס איז דאָך עפּעס אַן אכזרישער שפּאָס פון עפּעס אַ בייזער קראַפט, פון אַ בייזער, אַן אבשטויסענדער, און אַזאַ, צו וועלכער מען טאָר ניט זיין אונטערוואַרפען. מען דאַרף בעפרייען זיך פון אַזאַ קראַפט. און דאָס האָט יעדערער דיא מעגליכקייט. מען דאַרף אויפהערען זיין אבהענגיג פון דער בייזער קראַפט. און דערצו איז פאַראַן בלויז איין מיטעל — טויט.

און דער גליקליכער פאַמיליען־מאַן, דער געזונדער מענש, לעווין איז שוין עטליכע מאָהל געווען אַזוי נאָהענט פון זעלבסטמאָרד, אַז ער האָט בעהאַלטען אַ שנירעל, אום ניט אויפצוהייננגען זיך אויף איהם, האָט מורא געהאַט צו געהן מיט אַ ביקס, ער זאָל זיך אליין ניט דערשיסען.

אָבער לעווין האָט זיך ניט דערשאָסען און ניט אויפגעהאַנגען, ער האָט פאָרטגעזעצט צו לעבען.



יענער טאָג, ווען סערגיי איוואַנאָוויטש איז אָנגעקומען קיין פּאקראַווסק, איז פאַר לעווינען געווען איינער פון דיא פּיינליכסטע טעג.

עס איז געווען דיא קאָכיגסטע אַרבייטס־צייט, ווען אין גאַנצען פאָלק איז צו מערקען אַן אונגעוועהנליכע אנשטריינגונג פון זעלבסט־אייפּאָפּפערונג אין דער אַרבייט. אָבלעבענדיג דעם גרעסטען טהייל פון זיין לעבען צו לאַנד און אין נאָהענטע בעציהונגען צום פאָלק, האָט לעווין געפיהלט תמיד אין דער דאָזיגער אַרבייטס־צייט פון יאָהר, אַז דער אַלגעמיינער געריצטער צושטאַנד פון פאָלק גיט זיך איבער איהם אויך. נאָך גאַנץ פריה איז ער ארויסגעפאָהרען אויף דיא פעלדער, וואו עס איז אָנגעגאַנגען דיא ערשטע פערזעאונג פון קאָרען, דאָס אראָב־

פיהרען פון האָבער און איינלייגען אין סקירדעס, און נאָך פריהשטיק איז ער אוועק אין שייער, וואו מען האָט געדארפט לאָזען געהען א נייי־אריינגעבראַכטע דרעש־מאַשין.

אָבער דעם גאַנצען טאָג, סיי ווען ער האָט גערעדט מיט דעם פריקאַז־טשיק און מיט דיא פּויערים, סיי ער האָט עס אין דערהיים גערעדט מיט זיין פרוי און מיט דאללין אָדער מיט איהרע קינדער און מיט זיין שווער, האָט ער געטראַכט דאָסזעלביגע און דאָסזעלביגע, וואָס איהם האָט אינטערעסירט א חוץ זיינע ווירטה־שאַפטליכע עסקים, און ער האָט אין יעדע זאַך געזוכט א שייכות צו זיינע פראַגען: „וואָס־זשע בין איך אַזוינס? און וואו בין איך? און צו וואָס בין איך דאָ?“

קוקענדיג אין אָפענעם טויער פון שייער, אין וועלכען עס האָט זיך געשטויי־סען און געשפּיעלט דער ביטערער שטויב פון׳ם דרעשען, האָט ער געטראַכט אַלץ זיינע זאָנדערבאַרע געדאַנקען: „צו וואָס טהוט זיך דאָס אַלעס? פאַרוואָס שטעה איך דאָ און צווינג זיי ארבייטען? פאַר וואָס עסק׳ען זיי זיך אַלע אזוי און סטאַ־רעווען זיך מיר צו ווייזען מיט וואָס פאַר א חשק זיי ארבייטען? צו וואָס צאַפּעלט זיך אזוי דיא דאָזיגע אַלטע מאַטריאָנא, וועלכע איך האָב געהיילט ווען זיא איז צוקאַלעטשעט געוואָרען פון א שרפה? — האָט ער געטראַכט קוקענדיג אויף דער דאַרער, אַלטער פרוי, וועלכע האָט מיט דיא הראַבליעס געשאַרט דיא זאַמען — ניט היינט איז מאָרגען, אין צעהן יאָהר ארום, מען וועט זיא בעגראָבען אין דער ערד און פון איהר וועט דאָך גאָרנישט בלייבען. און פון דער דאָזיגער פראַנטיכע אין רויטען סאַראַפאַן, וועלכע קלאַפּט אראָב דיא זאַנגען פון דיא מעקענע מיט אזא לייכטקייט אין איהרע בעוועגונגען, וועט דאָך אויך גאָרנישט בלייבען, מען וועט דאָך זיא אויך בעגראָבען, און דעם שוואַרצען זשערעבעץ וועט מען אויך בעגראַ־בען, און פיאָדאָרן וועלכער שטופּט דיא זאַנגען אין דרעש־מאַשין און ביי וועמען דער באָרד איז פול מיט מעקענע וועט מען אויך בעגראָבען. און ער איז אזוי פאַר־קאָכט צוריסענדיג דיא בינטלעך זאַנגען, קאָמאַנדעוועט, שרייט אויף דיא ווייבער און פעררוכט דעם רימען אויף דער דרעה־ראָד. און הויפּטזעכליך, וואָס ניט בלויז זיי, נור מיך — מען וועט דאָך אויך מיך בעגראָבען און עס וועט פון מיר גאָרנישט בלייבען.... צו וואָס?“

ער האָט דאָס אַלעס געטראַכט און האָט אין דערזעלבער צייט געקוקט אויפ׳ן זייגערל אויסצורעכענען, וויפיעל וועלען זיי אויסדרעשען אין א שטונדע. ער האָט דאָס געדאַרפט וויסען אום אויסצורעכענען וואָס פאַר א מאָס ער קאָן זיי אַוועקשטעלען אויפצוטאָהן אין א טאָג. זעהענדיג אז ביי פיאָדאָרען געהט עס צו ניט אזוי שנעל, האָט ער איהם אָבגערוקט אָן א זייט און האָט זיך אַליין גענומען דערלאַנגען דיא בינטלעך זאַנגען אין דער דרעש־מאַשין. ער האָט אזוי געאַרבייט ביז עס איז אָנגעקומען דיא צייט פאַר דיא פּויערים מיטאַג צו עסען. און אין מיטאַג־צייט האָט ער זיך צורעדט מיט פיאָדאָרן, וועלכער איז געווען פון א ווייטען דאָרף, פון וואַנען דיא פּויערים האָבען פריהער געהאַט אין ארענדע לעווינס שטי־קער לאַנד.

לעווין האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי פיאָדאָרען וועגען דער דאָזיגער ערד

און האָט געפּרעגט צו וועט ביי איהם ניט אָבדינגען פאר קומענדען יאָהר דיא ערד דער רייכער און גוטער פלאטאָן, דער פארמעגליכער פויער פון זייער דאָרף.

— צו טהייער, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, פלאטאָנען וועט ניט לוינען.

— פאר וואָס־זשע לוינט קירילאָווען?

— א, מיטיוכא! — האָט מיט פעראכטונג א זאָג געטאָהן פיאָדאָר וועגען קירילאָווען — איהם זאָל ניט לוינען? ער וועט אזוי דריקען אז ער וועט שוין זיינס ארויסנעהמען; און דער אלטער פלאטאָן — וועט ער דען קאָנען שינדען דיא הויט פון א מענשען? ער לאָזט נאָך, איינעם צוגעבאָרגט, דעם אנדערן גאָר אזוי.

— פאר וואָס וועט ער עפּעס אָבגעבען א צווייטען גאָר אזוי?

— אָט אזוי, אפנים פארשיעדענע מענשען; איין מענש לעבט נור פון זיך אליין וועגען, וויא אָט אזא מיטיוכא, נור אָנצושטאָפּען זיין אייגענע בויך, און פלאטאָן איז אַן אנדערער — אַן אמת׳דיגער אלטער. ער לעבט פאר דער נשמה און פארגעסט ניט אויף גאָט.

— וואָס הייסט פארגעסט ניט אויף גאָט? וואָס בעדייט, ער לעבט פאר דער נשמה? — האָט כמעט א געשריי געטאָהן לעווין.

— עס פארשטעהט זיך וואָס דאָס הייסט: מיט׳ן אמת, וויא גאָט וויל. עס זיינען דאָך פאראַן פארשיעדענע מענשען. אייך אפילו לאָמיר אָננעהמען, איהר וועט דאָך אויך א מענשען קיין שלעכטס ניט טאָהן...

— נו, נו, אדיע! — האָט א זאָג געטאָהן לעווין א צוטראָגענער אָהן א שיעור פון דאָס געהערטע, האָט א נעהם געטאָהן זיין שטעקען און איז אוועק אהיים.

8.

דיא ווערטער וואָס דער פויער האָט געזאָגט, האָבען ארויסגעבראכט אין לעווינס נשמה אַן עלעקטרישען פונק און צוזאמענגענומען אין איינעם א גאַנצע מאסע צושלאָגענע קראפטלאָזע, בעזונדערע געדאנקען, וועלכע האָבען קיין מאָהל ניט אויפגעהערט איהם צו בעשעפטיגען.

ער האָט דערפיהלט ביי זיך אין הארצען עפּעס נייעס, און האָט דאָס נייע אָנגעטאַפּט אין זיך מיט פארגעניגען, ניט ווייסענדיג נאָך אליין וואָס דאָס איז אזוינס.

„ניט פון זיך אליין וועגען בלויז לעבען, נור פון גאָט וועגען. פון וועלכען גאָט וועגען? וואָס פאר אַן אונזינן? דאָס הייסט, אז מיר דארפען ניט לעבען פאר דאָס וואָס מיר פערלאַנגען, צו וואָס אונז ציהט, פאר דאָס, וואָס מיר באַגעהרען, נור לעבען צוליעב עפּעס, וואָס פאר אונז איז אונפערשטענדליך, פון א גאָט וועגען, וועלכען קיינער קאָן ניט פארשטעהן און קאָן ניט בעשטימען. וואָס פאר אַן אונזינן! אָבער וואָס אין אמת׳ן? האָב איך טאַקע דען ניט פערשטאַנען פיאָ־

דארם אונזיניגע ווערטער? און אויב איך האב זיי פערשטאנען צווייפעל איך רען אין זייער גערעכטיגקייט? האב איך געפונען אז זיי זיינען נאריש, ניט קלאהר, ניט פינקטליך?

„ניין, איך האב איהם דאך פערשטאנען, און טאקע אזוי וויא ער פארשטעהט, און פערשטאנען אפילו פולער און קלאהרער איידער וואס ניט איז אין לעבען, און האב דאך קיין מאהל דעריין ניט געצווייפעלט און קאן דעריין ניט צווייפלען. און ניט איך אליין, נור אלע, דיא גאנצע וועלט פארשטעהט בלויז דאס אליין פאלשטענדיג און דעריין אליין איז קיין צווייפעל ניטא ביי קיינעם

„און איך האב געזוכט נסים, בין געווען געקריינקט וואס איך האב קיין מופת ניט געזעהען, וועלכער זאל מיך איבערצייגען. א מאטעריעלער וואונדער וואלט מיך פאקען. און אט איז א וואונדער, דער איינציג מעגליכער וואונדער, וואס עקזיסטירט שטענדיג, וואס רינגעלט מיך ארום פון אלע זייטען, און איך האב איהם ניט געמערקט!

„פיאדאר זאגט, אז קירילאוו לעבט בלויז פון זיין אייגענעם מאגען וועגען. דאס איז פארשטענדליך און פערנינפטיג. מיר אלע, וויא פערנינפטיגע בראים קאנען אנדערש ניט לעבען וויא בלויז פון אייגענעם מאגען וועגען. און פלוצלונג זאגט מיר דערזעלביגער פיאדאר, אז לעבען פון מאגען וועגען איז ניט גוט, אז מען דארף לעבען פון אמת וועגען, פון גאטס וועגען, און איך האב שוין פון דער איין אנדייטונג איהם פערשטאנען! אי איך, אי דיא מיליאנען מענשען, וואס האבען געלעבט מיט דורות און דורות פריהער פון מיר, און מיליאנען מענשען וואס לעבען איצט, פויערים, ארעמע אין גייסט און חכמים, דיא וואס האבען געטראכט און געשריבען וועגען דעם, זיי האבען אלע מיט זייער ניט קלאהרער שפראך גערעדט דאסזעלביגע — מיר זיינען אלע אין דעם איינעם איינפערשטאנען: צו וואס מען דארף לעבען און וואס עס איז גוט. צוזאמען מיט אלע מענשען איז ביי מיר פאראן נור איין איינציגעם פעסטעם, אונצווייפעלהאפטעם און קלאהרעס וויסען; און דאס דאזיגע וויסען קאן ניט ערקלעהרט ווערען מיט'ן פערנונפט: דאס איז לחוץ פון שכל און האט ניט קיינע אורזאכען און קאן ניט האבען קיינע פאלגען.

„ווען גוטעס האט אן אורזאכע, איז דאס שוין קיין גוטעס ניט; אויב דאס האט א פאלגע — בעלוינונג, איז דאס שוין אויך קיין גוטעס ניט. דאס הייסט, אז גוטסקייט שטעהט אויסערהאלב פון דער קייט פון אורזאכען און פאלגען.

„און דאס גוטע וויים איך, און מיר אלע ווייסען. קאן דען זיין א גרעסערער נס דערפון?

„איז דאס מעגליך, אז איך האב געפונען דיא לייזונג, אז עס האבען זיך געענדיגט איצט אלע מיינע יסורים?" האט געטראכט לעווין, געהענדיג איבער דעם שטויביגען וועג און ניט מערקענדיג ניט דיא היץ, ניט קיין מידקייט און פיהלענדיג וויא ער לעשט דעם דורשט פון זיינע לאנגע יסורים. דאס איז געווען פאר איהם אזוי ערפרעהענד, אז איהם האט זיך פשוט געדוכט, אז עס איז עפעס אן אונמעגליכקייט.

„יא, מען דארף זיך דאס גוט קלאהר מאכען און פארשטעהן" — האט ער

זיך געזאָגט, אראָבקעהרענדיג אין וועלדעל און צוזעצענדיג זיך אויף דיא זאפטיגע וואלד־גראָז — „וואָס האָב איך אייגענטליך ענטדעקט? וואָס פרעה איך זיך אזוי? איך האָב גאָרנישט ענטדעקט, איך וויים בלויז דאָס, וואָס איך וויים. איך האָב פערשטאַנען יענע קראַפט וועלכע האָט מיר געגעבען לעבען ניט בלויז אין פער־גאַנגענהייט, נור וועלכע גיט מיר לעבען אויך איצט. איך בין פריי געוואָרען פון נארעריי, איך האָב דערקענט דעם בעל־הבית.

„פריהער האָב איך געזאָגט אַז אין מיין קערפּער, אין׳ם קערפּער פון דער דאָזיגער גראָז און פון דעם דאָזיגען אינזעקט קומט פאָר (אט האָט עס אַן עפען געטאָהן דיא פליגעלעך און איז אװעקגעפלויגען) קומט פאָר א וועקסלונג פון שטאָף לויט פיזישע, כעמישע און פיזיאָלאָגישע געזעצע. און אין אונז אלעמען, אין דיא בוימער מיט דיא וואָלקענס, מיט דיא טומאַנע פלעקען, קומט פאָר אַן ענטוויקלונג. ענטוויקלונג פון וואָס? אין וואָס? אַן אונענדליכע ענטוויקלונג און קאַמפף... אזוי וויא עס וואָלט קאָנען מעגליך זיין א וועלכע עס איז ריכטונג און קאַמפף אין דער אונענדליכקייט! און איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער אנשטריינגונג פון געדאנקען אויף דעם וועג, האָט זיך פון דעסטוועגען פאר מיר ניט ענטדעקט דער זינען פון לעבען, דער זינען פון מיינע באַגעהרען און שטרעבונגען. איצט אָבער זאָג איך, אַז איך וויים דעם זינען פון לעבען: לעבען פון גאָטס וועגען, פון דער נשמה וועגען. און דער דאָזיגער זינען איז געהיימניספול און וואונדערליך ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז קלאָהר. אזוי איז דער זינען פון אלעס וואָס עקזיסטירט. יא, גדלות“, האָט ער זיך א זאָג געטאָהן, איבערקעה־רענדיג זיך אויפ׳ן בויך, בינדענדיג גראָז־שטיינגלעך און זוכענדיג ניט צו צוברע־כען זיי.

„און ניט דיא גדלות פון שכל, נור דיא נאַרישקייט פון שכל. און הויפּטזעכ־ליך דיא כיטרעקייט, דיא פּלוטעוואטעקייט פון שכל. יא, נעמליך טאקע, דיא שווינדלעריי פון שכל“, האָט ער ווידערהאָלט.

איהם איז איצט קלאָהר געוואָרען, אַז ער קאָן לעבען בלויז צו פערדאנקען יענע גלויבונגען, אין וועלכע ער האָט זיך ערצויגען.

„וואָס וואָלט איך אזוינס געווען און וויא וואָלט איך דורכלעבען מיין לע־בען, אויב איך וואָלט ניט געהאַט דעם דאָזיגען גלויבען און וואָלט ניט וויסען, אַז מען דאַרף לעבען פון גאָטס וועגען, און ניט פון אייגענע נויטען וועגען? איך וואָלט גערויבט, געפאַלשעוועט, געמאָרדעט. קיין זאַך פון דעם וואָס פאַר מיר איז א שמחה אין לעבען, וואָלט פאַר מיר ניט עקזיסטירט“. און מאַכענדיג דיא שווער־סטע אנשטריינגונג פון זיין פאַנטאַזיע, האָט ער זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאָר־שטעלען יענע טהירישע בריאה, וועלכע ער גופא וואָלט געווען, אויב ער וואָלט ניט וויסען דאָס, צוליעב וואָס ער לעבט.

„איך האָב געזוכט אַן ענטפער אויף מיין פראַגע. און דאָס דיינקען האָט קיין ענטפער אויף דער פראַגע ניט געקאָנט געבען. דעם ענטפער האָט מיר גע־געבען דאָס לעבען גופא דורכ׳ן וויסען וואָס גוט איז און וואָס שלעכט איז. און דאָס דאָזיגע וויסען, האָב איך מיט קיין זאַך ניט ערוואָרבען, נור דאָס איז מיר

גענעבען געוואָרען צוזאַמען מיט אַלעמען, געגעבען געוואָרען דער־פּאַר, ווארום איך האָב דאָס דאָך פון ערגעץ ניט געקאָנט נעהמען.

„פון וואַנען האָב איך דאָס גענומען? בין איך דאָס מיט'ן פערנונפט דער־גאַנגען, אַז מען דאַרף ליעבען דעם נאָהענטען און ניט ווערגען איהם? מען האָט דאָס מיר געזאָגט, ווען איך בין נאָך אַ קינד געוועזן, און איך האָב גערן דאָס גע־גלויבט, ווארום דאָס האָט מען מיר געזאָגט דאָס, וואָס איז שוין ביי מיר אין האַר־צען געוועזן. און ווער האָט עס ענטדעקט? ניט דער שכל. דער שכל האָט ענטדעקט דעם קאַמפּף אום'ס דאזיין און דעם געזעץ, וועלכער פאָדערט, אַז מען זאָל אַלעמען אַלעמען ווערגען, ווער עס שטערט מיר נור בעפריעדיגען מיינע פערלאַנגען. דאָס איז דער אויספיהר פון שכל. און ליעבען דעם צווייטען האָט דער שכל ניט געקאָנט ענטדעקען, ווארום עס איז קיין שכל ניט."

9.

און לעווין האָט זיך דערמאָנט אויף אַ סצענע, וואָס איז ניט לאַנג פאָרגע־קומען מיט דאַלי'ס קינדער. דיא קינדער, בלייבענדיג אַליין, האָבען אָנגעהויבען פרעגלען מאַלינע אויף ליכט און גיסען מילך אין מויל וויא פון אַ פאָנטאַן. ווען דיא מוטער און לעווין זיינען אריין און האָבען דאָס דערזעהען, איז דער מו־טער אָנגעקומען מיט שווערע מיה, זיי צו ערקלעהרען, אַז זיי מאַכען חרוב דאָס, וואָס עס האָט דיא ערוואַקסענע געקאָסט אַזוי פיעל אַרבייט. און אַז דיא אַרבייט איז געטאָהן געוואָרען פון זייערט וועגען, און אַז אויב זיי וועלען ברעכען גלעזער, וועלען זיי ניט האָבען פון וואָס טהעע צו טרינקען, און אַז אויב זיי וועלען צוגיסען דאָס מילך, וועלען זיי ניט האָבען וואָס צו עסען און וועלען שטאַרבען פון הונגער.

און לעווין איז געוועזן איבערראַשט דערמאָלט פון יענער רוהיגקייט און קאַלטען ניט־גלויבען, מיט וועלכע דיא קינדער האָבען געהערט דיא מאַמעס ווער־טער. זיי האָט בלויז פערדראָסען, וואָס זייער שפּיעלען זיך איז איבערגעריסען געוואָרען און'האָבען קיין וואָרט ניט געגלויבט, וואָס דיא מאַמע האָט געזאָגט. זיי האָבען ניט געקאָנט גלויבען, ווייל זיי האָבען ניט געקאָנט פאָרשטעלען זיך דיא גאַנצע אומפאַסונג פון דאָס, מיט וואָס זיי בענוצען זיך, און האָבען ניט געקאָנט פאַרשטעהן אַז זיי פערניכטען דאָסזעלביגע, פון וואָס זיי לעבען.

— דאָס איז זיך אַ בעזונדער זאַך — האָבען דיא קינדער געטראַכט — און עס איז דעריין קיין אינטערעסאַנטעס און קיין וויכטיגעס ניטאָ, ווארום דאָס איז אַלע מאָהל געוועזן און וועט זיין. און תמיד דאָסזעלביגע. מיר האָבען וועגען דעם ניט וואָס צו טראַכטען; דאָס איז שוין פאַרטיגעס; און מיר וואָלטען וועלען אויסטראַכטען עפּעס אייגענעס, נייאינקעס. אָט האָבען מיר אויסגעטראַכט וויא אריינצולייגען אין טאַסס מאַלינע און פרעגלען אויפ'ן ליכט און מילך גיסען איי־

נער דעם צווייטען וויא פּון א פּאָנטאַן גלייך אין מויל אריין. דאָס איז פרעהליכער און נייער וויא צו טרינקען פּון טאַס.

„טהוען מיר דען ניט דאָסזעלביגע, האָב איך דען דאָס אויך ניט געטאָהן, ווען איך האָב מיט מיין פערנונפט געזוכט צו געפינען דיא בעדייטונג דיא קרעפטע פּון דער נאַטור און דעם זינען פון מענשענס לעבען?“ האָט ער פּאָרטגעזעצט צו טראַכטען.

„און טוהען דען ניט דאָסזעלביגע אלע פילאָזאָפישע טהעאָריען, ווען זיי ווילען אויף דעם געדאַנקען־וועג וועלכער איז פרעמד פאר דעם מענשען, בריינגען איהם צו דער אנערקענונג פון דאָס, וואָס ער ווייס שוין לאַנג אליין און ווייס דאָס זאָגאַר אזוי ריכטיג, אז אָהן דעם וואָלט ער ניט געקאָנט לעבען? איז דען ניט קלאָהר פון דער ענטוויקלונג פון יעדער פילאָסאָפישער טהעאָריע, אז ער ווייס פון פאָראויס, און אויך אזוי זיכער וויא דער פויער פיאָדאָר און בשום אופן ניט קלעהרער פון איהם, דער עיקר זינען פון לעבען, און ער וויל נור דורך צווייפעלהאַפטע וועגען קומען צוריק דערצו, וואָס איז שוין אלעמען בעוואוסט?

„אדרבה, זאָל מען אָקאָרשט לאָזען קינדער אליין, זיי זאָלען אליין שאַפען, מאַכען געפעס, מעלקען מילך, און אזוי ווייטער. וואָלטען זיי דען שטיפען? זיי וואָלטען פון הונגער אויסגעשטאָרבען. אדרבה לאָזט אונז אָקאָרשט מיט אונזערע תאוות, געדאַנקען, אָהן א בעגריעף פון איינציגען גאָט און שעפּפער, אָדער אָהן א בעגריעף פון דעם, וואָס גוט איז, אָהן אן ערקלעהרונג וואָס זיטליך שלעכט איז!

„אדרבה, בויט עפּעס אויף אָהן דיא דאָזיגע בעגריעפע! מיר מאַכען בלויז חרוב, דערפאר וויל מיר זיינען גייסטיג זאַט. פּשוט קינדער!

„פון וואַנען קומט צו מיר דיזעלביגע ערפרעהענדע פערשטענדניס געמיינשאַפטליך מיט דעם פויער, וואָס איז דאָס איינציגע וואָס גיט מיר זעעלען־רוה? פון וואַנען האָט זיך דאָס ביי מיר גענומען?

„איך, אן ערצויגענער אין דיא בעגריעפע וועגען גאָט, אלס א קריסט, האָב אָנגעפילט מיין לעבען מיט יענע גייסטיגע תענוגים, וואָס דאָס קריסטענטהום האָט מיר געגעבען, בין פול מיט דיא דאָזיגע תענוגים און לעב מיט זיי, איך, גאָר וויא דיא קינדער, ניט פארשטעהענדיג זיי, פערניכטע איך זיי. דאָס הייסט, איך וויל פערניכטען דאָס, מיט וואָס איך לעב. און וויא נור עס קומט אָן א וויכטיגער מאָמענט אין לעבען, וויא קינדער ווען זיי איז קאַלט אָדער זיינען הונגעריג, געה איך צו א י ה ם; און איך, נאָך ערגער פון דיא שטיעפערישע קינדער, ווען מען דיא מאַמע זידעלט אן, איך פיהל, אז מיינע קינדערשע שטיפערייען און זוכען צו שפּרינגען פון הויט אויס ווייל טאָג ווערן גאָר ניט פעררעכענט געגען מיר.

„יא, דאָס וואָס איך ווייס, ווייס איך ניט מיט׳ן שכל, נור דאָס איז מיר געגעבען געוואָרען, דאָס איז מיר ענטדעקט געוואָרען און איך ווייס דאָס מיט׳ן הארצען, איבערהויפּט דורך גלויבען אין דאָס, וואָס דיא קירכע פּריידיגט.

„דיא קירכע? דיא קירכע!“ האָט זיך ווידערהאָלט לעווין, האָט זיך איבערגעקעהרט אויף דער צווייטער זייט און האָט אָנגעהויבען קוקען אין דער ווייט אויף דער סטאַדע, וועלכע האָט זיך געקליבען צו יענער זייט טייך.

„צו איז ניט מעגליך אז איך זאָל גלויבען אין אלעס, וואָס דיא קירכע

פריידיגט?" האָט ער געטראַכט, אויספּרובירענדיג זיך אליין. ער האָט אָנגעהויבען צו דערמאָנען זיך מיט א כיון אלע לעהרען פון דער קירכע, וועלכע האָבען איהם אימער אויסגעוויזען זאָנדערבאר. א שעפּפונג? און וויא האָב איך זיך ערקלעהרט עקזיסטענץ? אלס עקזיסטענץ? קיין ערקלעהרונג? — דער טייפעל און זינד — און וויא ערקלעהר איך דאָס בייזע?...

„אָבער איך ווייס ניט, איך ווייס גאָרנישט און קאָן גאָרנישט וויסען, א חוץ דאָס וואָס מען האָט מיר געזאָגט גלייך מיט אלעמען."

ליגענדיג אויפ'ן רוקען, האָט ער געקוקט איצט אויף דעם הויכען, וואָל־קענלאָזען הימעל. „ווייס איך דען ניט וואָס דאָס איז, אז דאָס איז אן אונענדליכער רוים און אז דאָס איז ניט א קיילעכיגער געוועלב? אָבער וויא איך זאָל ניט קווע־טשען דיא אויגען און ניט אָנשטריינגען מיין זעה־קראַפט, קאָן איך איהם אנדערש ניט זעהען וויא נור רונד און ניט בעגרעניצט, און ניט קוקענדיג דערויף וואָס איך ווייס וועגען דער אונענדליכקייט פון רוים, בין איך פון דעסטוועגען אָהן שום ספק גערעכט, ווען פאר מיינע אויגען איז דאָס א פעסטער בלויער געוועלב, און בין דעריין נאָך מעהר גערעכט, איידער ווען איך שטריינג זיך אָן צו זעהען וואָס וויטער פון איהם איז."

לעווין האָט שוין אויפגעהערט צו טראַכטען און האָט זיך בלויז וויא צו־געהערט צו דיא געהיימניספולע שטימען, וועלכע האָבען זיך עפּעס וויא ערפרעהט און בעזאָרגט איבערגערעדט צווישען זיך.

„זאָל דאָס מעגליך זיין אז דאָס איז אמונה? — האָט ער א טראַכט גע־טאָהן מורא האָבענדיג צו גלויבען אין זיין גליק — איך דאַנק דיר גאָט!" — האָט ער ארויסגערעדט אראָבשלינגענדיג א שלוכצען, וועלכער האָט זיך א הויב געטאָהן אין איהם און האָט אויסגעווישט מיט ביידע הענד דיא טרעהרען, וועלכע האָבען אָנגעפילט זיינע אויגען.

## 10.

לעווין האָט געקוקט אין דער ווייט און האָט געזעהען דיא סטאַדע בהמות; ער האָט דערנאָך דערזעהען זיין וועגעל איינגעשפּאַנט מיט זיין שווארצען פערד און דעם קוטשער, וועלכער איז צוגעפאָהרען צו דער סטאַדע, האָט עפּעס א רעד גע־טאָהן מיט דעם פּאסטוך. ער איז אָבער געווען אזוי פערטיעפט אין זיינע גע־דאַנקען, אז ער האָט גאָר ניט א טראַכט געטאָהן נאָך וואָס זיין קוטשער פאָהרט. ער האָט זיך געכאַפּט דערצו ערשט דאַן, ווען דער קוטשער איז שוין צוגעפאָהרען נאָהענט צו איהם און האָט איהם א רוף געטאָהן:

— דיא פּריצתה האָבען געשיקט. זיינען געקומען צופאָהרען דער ברודער און נאָך עפּעס א פּריץ.

לעווין האָט זיך געזעצט אין וועגעל און האָט גענומען דיא לייצעס. וויא אז

ערוואַכטער פון שלאָף האָט ער לאַנג זיך ניט געקאָנט דערמאָנען וואָס מיט איהם איז. אי דער ברודער, אי דיא פרוי, אי דער אונבעוואוסטער גאַסט, האָבען זיך איהם איצט גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט. איהם האָט זיך גערוכט, אַז איצט וועלען שוין זיינע בעציהונגען צו אַלע מענשען זיין גאָר אַנדערש.

„צום ברודער וועט ניט זיין איצט אַזאַ פרעמדקייט, וויא עס איז אַלע מאָל געווען צווישען זיי — קיין האַמפּערייען וועלען ניט זיין; מיט קיטין וועט קיין מאָהל מעהר קיין קריעג ניט זיין; מיט דעם גאַסט, ווער ער זאָל זיך ניט זיין, וועל איך זיין מילד און גוט; מיט דיא מענשען, מיט איוואַנען — אַלעס וועט נאָר איצט אַנדערש זיין.“

לעווין האָט זיך אומגעקוקט צו איוואַנען, וועלכער איז געזעסען לעבען איהם און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָהן מיט דיא הענד און האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו־צודריקען זיין העמד, וועלכע דער ווינד האָט אויפגעבלאָזען. לעווינען האָט זיך זעהר געוועלט מיט איהם אָנהויבען ריידען, און ער האָט ניט געוואוסט וועגען וואָס; איהם האָט זיך געוועלט עפּעס אַ ליעבליכען שמועס טאָהן.

— איהר זייט אַזוי גוט און קעהרט רעכטס, ווארום איהר פאָהרט אַרויף אויף אַן אָבגעהאַקטען בוים — האָט געזאָגט דער קוטשער און האָט מיט דער האַנד אַ ציה געטאָהן לעווינס לייצע.

— איך בעט דיך, ריהר ניט און לעהרען מיך ניט! — האָט געזאָגט לעווין אַ פערדרוסליכער, וואָס דער קוטשער האָט זיך אַריינגעמישט אין זיין קירעווען. ער פלעגט אימער אויפגערעגט ווערען, ווען מען פלעגט זיך אַריינמישען אין זיין אַרבייט. ער האָט אָבער גלייך מיט טרויער דערפיהלט, וואָס פאַר אַ טעות ער האָט געהאַט מיט אַ ווייל צוריק, ווען ער האָט גערעכענט אַז זיין געמיטהס־שטימונג קאָן גלייך ענדערן זיינע בעציהונגען צו דער ווירקליכקייט.

— אָנקעל קאָסטיא! אָנקעל קאָסטיא! — זיינען דאַלליס קינדער געלאָפען איהם אַנגעגען אַ פערטעל וויאָרסט פון הויז — דיא מאַמע געהט אויך, און דער זיידע געהט און סערגיי איוואַנאָוויטש און נאָך אימיצער עפּעס — האָבען זיי גערעדט קריכענדיג אין וועגעל.

— ווער אָבער?

— אַ משונה'דיגער עפּעס! און אָט אַזוי מאַכט ער מיט דיא הענד — האָט געזאָגט טאַניא, נאַכאַהמענדיג קאַטאַוואַסאָווען.

„אַך, עס זאָל נור ניט זיין עפּעס אַן אונאַנגענעהמער מענש!“ האָט אַ טראַכט געטאָהן לעווין.

און בלויז אַ קירעווע טאָהנ'דיג דאָרט וואו דער וועג האָט זיך פאַרקעהרט און דערזעהענדיג דיא קומענדע איהם אַנטגעגען, האָט לעווין דערקענט קאַטאַוואַסאָווען אין זיין שטרויענעם הוט און מאַכענדיג אַקוראַט אַזוי מיט דיא הענד, וויא טאַניא האָט דאָס בעוויזען.

„ניין, דיסקוטירען און לייכטזיניג אַרויסזאָגען מיינע געדאַנקען וועל איך בשום אופן ניט“ — האָט לעווין אַ טראַכט געטאָהן, דערמאָנענדיג זיך וויא קאַטאַוואַסאָוו האָט ליעב צו דיסקוטירען וועגען פילאָסאָפיע.

ארויסגעהענדיג פון זיין וועגעל און בעגריסענדיג דעם ברודער און קאטאוואסאווען, האט לעווין א פרעג געטאהן וואס זיין ווייב מאכט.

— זיא האט איבערגעטראגען מיטיען פון שטוב צום וועלדעל. זיא וויל פאר איהם דארט צורעכט מאכען, ווארום אין הויז איז הייס — האט געזאגט דאללי. לעווין איז אלע מאהל געווען געגען דעם, אז קיטי זאל טראגען דעם קינד צום וואלד, רעכענענדיג אז דאס איז געפעהרליך. און ווען ער האט דערהערט, אז זיא האט אזוי געטאהן, איז איהם דאס געווארען אונאנגענעהם.

— נו, וואס מאכסט דוא? — האט א פרעג געטאהן סערגיי איוואנאוויטש אבטהיילענדיג זיך פון דיא איבעריגע און געהענדיג מיט'ן ברודער.

— א. קיין בעזונדערעס. וויא אימער, בעשעפטיג זיך מיט דער ווירטהשאפט — האט געענטפערט לעווין — און דוא, אויף לאנג? מיר האבען אזוי לאנג אויף דיר געווארט.

— אויף א וואכען צוויי. פיעל ארבייט פאראן אין מאסקווא.

ביי דיעזע ווערטער האבען זיך דיא ברידערס בליקען בעגעגענט, און ניט קוקענדיג דערויף, וואס לעווין האט אימער געהאט עפעס א בעזונדער ווונש צו זיין מיט דעם ברודער אין ווארעמע און הויפטזעכליך אין איינפאכע בעציהונגען, האט ער איצט דערפיהלט, אז איהם איז ניט אנגענעהם צו קוקען אויף איהם. ער האט אראבגעלאזען דיא אויגען און האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען.

— נו, וויא, זיינען געווען רעצענזיעס וועגען דיין בוך? — האט ער א פרעג געטאהן.

— קיינער איז דערמיט ניט באשעפטיגט, און איך נאך וויניגער פון אנדערע — האט א שמייכעל געטאהן סערגיי איוואנאוויטש — זעהט נור, דאריא אלעקסאנדראוונא, ס'וועט זיין א רעגען — האט ער אנגעוויזען מיט'ן שירעם אויף דיא ווייסע וואלקענדלעך, וועלכע האבען זיך געוויזען אויף דיא שפיצען בוימער.

און דיא דאזיגע עטליכע ווערטער זיינען געווען גענוג אז צווישען לעווינען און דעם ברודער זאל ווייטער ווערען דיא קאלטע בעציהונגען, וויא זיי זיינען אימער געווען צווישען זיי.

לעווין איז צוגעגאנגען צו קאטאוואסאווען.

— וויא גוט איהר האט געטאהן, וואס איהר זייט געקומען צופאהרען.

— איך האב זיך שוין לאנג געקליבען. איצט וועלען מיר א שמועס טאהן, וועלען זיך ארומקוקען. האט איהר דורכגעלעזען ספענסערען?

— ניין, איך האב ניט דערלעזען ביז'ן סוף — האט געענטפערט לעווין — איבעריגענס, איז ער מיר איצט ניט נויטיג.

— וואס הייסט? דאס איז אינטערעסאנט. פאר וואס?

— דאס הייסט, איך האב זיך לגמרי איבערצייגט, אז דיא לייזונג פון דיא פראגען, וואס באשעפטיגען מיך, וועל איך ניט געפינען ניט ביי איהם און ניט ביי עהנליכע צו איהם. איצט....

אבער דער רוהיגער און פרעהליכער אויסדרוק פון קאטאוואסאווס פנים, האט איהם פלוצלונג איבערראשט; איהם האט פערדראסען פאר וואס עס האט זיך געענדערט זיין שטימונג און ער האט זיך אבגעשטעלט אין מיטען.

# אננא קארענינא

— איבעריגענס, מיר וועלען דערנאָך וועגען דעם שמועסען — האָט ער צוגעלייגט — לאָמיר געהן אהער איבער דעם שטעגעל.

— זוכענדיג צו מאַכען וואָס ווייניגער האַסטיגע בעוועגונגען און צוהערענדיג זיך צו דיא ביהנען, וועלכע זיינען אַלץ געדיכטער און געדיכטער פערבייגעפלויגען פערביי איהם, איז ער דערגאַנגען מיט'ן שטעגעל ביז דעם שטיבעל פון ביהנ־שטאָקען הויף. ביים סאַמע אריינגאַנג האָט זיך איין ביהן זשומענדיג אריינגעפלאַנטערט צו איהם אין באָרד, אָבער ער האָט זיא פאָרזיכטיג אויסגעפלאַנטערט. אין דיא אויערען האָט ניט אויפגעהערט צו זשומען אויף פערשיעדענע־ערליי קולות, דאָס פון אַ פערבייפליהענדער אַרבייטס־ביהן, דאָס אַ טרומייטערן פון אַ לײדיג־געהענדען דראָהן, און אַמאָל דיא אויפגערודערטע ביהנען־שומרים, וועלכע בעוואַכען זייער האָב און גוטס פון'ם שונא. אויף יענער זייט צאַהם איז אַן אַלטער מאַן געשטאַנען און האָט אויסגעאַרבייט אַ רייף, ניט זעהענדיג לעווינען. לעווין האָט איהם קיין רוף ניט געטאָהן און איז געבליבען שטעהן אין מיטען ביהנשטאָקען הויף. ער איז גערן געוועזען פון דער געלעגענהייט צו זיין אַליין אום צו קומען צו זיך פון דער ווירקליכקייט, וועלכע האָט שוין בעוויזען צו דערשלאָגען זיין שטימונג.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין בעוויזען אין כעס צו ווערען אויף איוואַן דעם קוטשער, ווייזען זיך קאַלט צום ברודער און ריידען לייכטזיניג מיט קאַטאַוואַסאַוועז.

„קאָן דאָס מעגליך זיין, אַז דאָס איז געוועזען בלויז אַ מאָמענטאַלע שטימונג און זיא זאָל פערבייגעהן, ניט איבערלאָזענדיג קיין סליאַד?" האָט ער אַ טראַכט געטאָהן.

אָבער אין דערזעלבער מינוט האָט זיך איהם צוריקגעקעהרט דיא שטימונג און ער האָט מיט פרייד דערפיהלט, אַז אין איהם קומט פאָר עפּעס נייעס און וויכטיגעס. דיא ווירקליכקייט האָט בלויז אויף אַ ווײלע פאַרשלייערט יענע זעעלענרוהע וועלכע ער האָט געפונען, אָבער דיא דאָזיגע רוהע איז געוועזען גאַנץ אין איהם.

פונקט אַזוי וויא דיא ביהנען, וועלכע האָבען איצט אַרומגעפלאַטערט אַרום איהם, האָבען איהם געסטראַשעט און האָבען איהם אַמוזירט, האָבען איהם ניט דערלאָזען האָבען פולע פיזישע רוהיגקייט, האָבען איהם געצוואונגען צונויפצודרייקען זיך אום אויסצומיידען זיי, אַזוי זיינען אויך געוועזען דיא דאגות, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען זינט ער האָט זיך געזעצט אין וועגעל, זיי האָבען איהם ניט דערלאָזען צו האָבען גייסטיגע רוהיגקייט; אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַזוי לאַנג וויא ער איז געוועזען צווישען זיי. און פונקט אַזוי וויא ווען ער האָט ניט געקוקט אויף דיא ביהנען, איז זיין קערפּערליכע קראַפט געוועזען אין איהם גאַנץ, אַזוי איז אין איהם אויך גאַנץ געבליבען דיא גייסטיגע קראַפט, וועלכע ער האָט ערשט דערקענט.

## 11.

— ווייסט דוא, קאָסטיא, מיט וועמען סערגיי איוואַנאָוויטש איז געפאָהרען אהער? — האָט געזאָגט דאָללי, געבענדיג דיא קינדער אוגערקעס מיט האָניג — מיט ווראָנסקין! ער פאָהרט קיין סערביען.

— און דערצו ניט אליין, ער פיהרט מיט אַן עסקאַדראָן אויף זיין אייגענעם חשבון! — האָט אונטערגעזאָגט קאַטאַוואַסאָוו.

— דאָס פאַסט זיך פאַר איהם — האָט געזאָגט לעווין — וואָס איז, עס פאָהרען נאָך וואָלונטירען? — האָט ער א פרעג געטאָהן א קוק טאָהנ'דיג אויף סערגיי איוואַנאָוויטשען.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט ניט ענטפערענדיג ארויסגענומען פאָרזיכטיג מיט'ן פרוכט־מעסערל א לעבעדיגע ביהן, וועלכע האָט זיך אָנגעקלעפּט אין'ם פרישען האָניג.

— און נאָך וויא! איהר האָט געדאַרפט זעהען וואָס עס האָט זיך נעכטען געטאָהן אויף'ן וואָקזאל! — האָט געזאָגט קאַטאַוואַסאָוו.

— נו, וויא זאָל מען דאָס דאָזיגע פאַרשטעהן? אום קריסטוס ווילען, ערקלעהרט מיר, סערגיי איוואַנאָוויטש, וואוהין פאָהרען דיא וואָלונטירען, געגען וועמען קעמפּפען זיי? — האָט א פרעג געטאָהן דער אַלטער פירסט, פאָרטזעצענדיג אַפּנים א פריהעריגען געשפּרעך, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אָהן לעווינען.

— געגען דיא טערקען — האָט מיט א רוהיגען שמייכעל געענטפערט סערגיי איוואַנאָוויטש ארויספּלאָנטערענדיג דיא אונבעהילפליכע ביהן, וואָס האָט געצאַפּעלט מיט דיא פיסלעך און אראָבזעצענדיג זיא פון מעסער אויף דעם פרישען גרינעם בלאַט.

— ווער־זשע האָט דאָס ערקלעהרט דיא טערקען מלחמה? איוואַן איוואַנאָוויטש ראַגאַזאָוו און גרעפין לידיא איוואַנאָוונא מיט מאַדאַם שטאָהל?

— קיינער האָט ניט ערקלעהרט קיין מלחמה; דאָס האָבען מענשען מיטלייד מיט דיא ליידענדע און ווילען זיי העלפען — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש.

— אָבער דער פירסט רעדט דאָך ניט וועגען הילפע — האָט געזאָגט לעווין, אָננעהמענדיג זיך פאַר'ן שווער — נור וועגען מלחמה. דער פירסט זאָגט, אַז זייטיגע מענשען קאָנען ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין קיין מלחמה אָהן דער ערלויבעניש פון דער רעגיערונג.

— קאָסטיא, זעה, דאָס איז א ביהן! ווירקליך, מען וועט אונז צובייסען! — האָט געזאָגט דאָללי, אָבוועהרענדיג זיך פון א פערדען־פליעג.

— דאָס איז דאָך ניט קיין ביהן, דאָס איז א פערדען־פליעג האָט געזאָגט לעווין.

— נו, נו, וואָס איז אייער טהעאָריע — האָט קאטאוואסאוו א פרעג געטאָהן לעווינען מיט א שמייכעל — פאר וואָס האָבען זייטיגע מענשען קיין רעכט ניט?

— מיין טהעאָריע איז פאָלגענדע: מלחמה איז, פון איין זייט, אזא טהירישע, אכזרישע און שוידערליכע זאך, אז קיין איין מענש קאָן ניט נעהמען פערזענליך אויף זיין פעראנטוואָרטליכקייט אָנצוהויבען א מלחמה; דאָס קאָן נור טאָהן דיא רעגיערונג, וועלכע איז דערצו בערופען און וועלכע ווערט אונפערמיידליך געבראכט דערצו זיא זאָל מלחמה האלטען. צווייטענס, זאָגט אונז דיא וויסענשאפט און דער געזונדער פערשטאנד, אז אין שטאאטליכע אנגעלעגענהייטען, בעזונדער נאָך אין מלחמה, ענטזאגען זיך דיא בירגער פון זייער אייגענעם ווילען.

— דעריין איז דאָך דיא גאנצע זאך, טאטעלע, וואָס עס קאָנען זיין פעלע, וואו דיא רעגיערונג ערפיעלט ניט דעם ווילען פון דיא בירגער, און דאן ערקלעהרט דיא געזעלשאפט גופא איהר ווילען — האָט געזאָגט קאטאוואסאוו.

אָבער סערגיי איוואנאָוויטשען איז אפנים דער ענטפער ניט געפעלען געווען. ער האָט זיך אנגעוואָלקענט און האָט א זאָג געטאָהן עפעס אנדערעס.

— אומזיסט האָסט דוא אזוי אוועקגעשטעלט דיא פראגע. דאָ איז ניטאָ קיין קריעגס־ערקלעהרונג, נור איינפאך אן אויסדרוק פון מענשליכע, קריסטליכע געפיהלען. מען הרג'עט ברידער, פון איין בלוט און פון איין גלויבען. אָדער לאָמיר זאָגען אפילו, אז ניט ברידער און ניט פון דערזעלבער אמונה, נור איינפאך מען שלאכט אויס קינדער, פרויען און אלטע לייט; מען ווערט דערויף אויפגעבראכט און רוסישע מענשען לויפען העלפען, אז אזעלכע שוידערליכע מעשים זאָלען ניט געשעהען. שטעל זיך פאָר, אז דוא וואָלסט געהן אין גאס און זעהען, וויא שיכורע שלאָגען א פרויענצימער אָדער א קינד; איך דיינק, אז דוא וואָלסט דעמאָלט ניט פרעגען, צו האָט עמיצער ערקלעהרט מלחמה געגען דעם שיכור אָדער ניט, דוא וואָלסט זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען און וואָלסט פארטהיידיגען דעם בעליידיגטען.

— אָבער איך וואָלט ניט הרג'ענען — האָט געענטפערט לעווין.

— ניין, דוא וואָלסט יא הרג'ענען.

— איך וויים ניט. ווען איך וואָלט דאָס דערזעהען, וואָלט איך וואהרשיינליך היינגעריסען געוואָרען פון מיין אונמיטעלבארען געפיהל; אָבער עס איז מיר שווער צו זאָגען פאָראויס, וואָס איך וואָלט געטאָהן. אָבער אזא אונמיטעלבארער געפיהל איז דאָך ניטאָ אין בעצוג צו דיא סלאווען און עס קאָן גאָר ניט זיין.

— אפשר פאר דיר איז אזא געפיהל ניטאָ. אָבער פאר אנדערע איז ער פאראן — האָט אונצופריעדען געזאָגט סערגיי איוואנאָוויטש — אין פאָלק לעבט דאָס, וואָס מען האָט געהערט דערצעהלענדיג פון דור צו דור וועגען פראוואסלאוונע מענשען, וועלכע האָבען געליטען אונטער דעם יאָך פון דיא „רשעים געצענדינער.“ דאָס פאָלק האָט דערהערט וועגען דיא יסורים פון זיינע ברידער און האָט אָנגעהויבען אויסדריקען זיינע געפיהלען.

— עס קאָן זיין — האָט געענטפערט לעווין אויסווייכענד — אָבער איך זעה דאָס ניט; איך בין דאָך אליין אויך דאָס פאָלק, און איך פיהל דאָס ניט.

— און איך אויך ניט — האָט געזאָגט דער פירסט — איך בין געוועזן אין אויסלאַנד, האָב געלעזען דיא צייטונגען, און איך בין זיך מודה, איך האָב ניט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, וואָס עפּעס האָבען מיט אַמאָל אַלע רוסען אַזוי ליעב בעקומען דיא ברידער־סלאַווען, און איך פיהל עפּעס צו זיי גאָר קיין ליעבע ניט? איך האָב געהאַט גרויס עגמת נפש, איך האָב געמיינט, אַז דאָס בין איך מסתמא אַזאַ קאַליקע אָדער אַז דאָס האָט קאַרלסבאַד אויף מיר אַזוי געווירקט. אָבער קו־מענדיג אַהער האָב איך זיך בערוהיגט. איך זעה, אַז אויסע־ מיר זיינען אויך פּאַ־ראַן מענשען, וועלכע אינטערעסירען זיך בלויז מיט רוסלאַנד און ניט מיט ברידער־סלאַווען, וויא קאָנסטאַנטין.

— פּערזענליכע מיינונגען האָבען דאָ קיין בעדייטונג ניט — האָט אָנגע־הויבען ערקלעהרען סערגיי איוואַנאָוויטש — קיינעם געהט ניט אָן וואָס וועמענס פּערזענליכע מיינונג איז, ווען גאַנץ רוסלאַנד, דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגע־דריקט זיין ווילען.

— אָבער ענטשולדיגט מיר, איך זעה דאָס ניט. דאָס פאָלק הויבט ניט אָן צו וויסען דערפון — האָט געזאָגט דער פירסט.

— ניין, פּאַפּאַ... וואָס הייסט דאָס פאָלק וויים ניט? און זונטאַג אין קירכע? — האָט זיך אריינגעמישט אין געשפּרעך דאַללי.

— וואָס־זשע איז געוועזן זונטאַג אין קירכע? מען האָט דעם גלח געהייסען לייענען, האָט ער געלייענט. זיי האָבען גאָרנישט פערשטאַנען. מען האָט דער־נאָך געקליבען עפּעס אויף א נשמה־רעטונגס זאַך, האָבען זיי ארויסגענומען קאָפּי־קעס און געגעבען, ניט וויסענדיג אויף וואָס.

— דאָס פאָלק קאָן ניט ניט וויסען; דאָס בעוואוסטזיין פון זיין שיקזאַל לעבט אימער אין פאָלק, און אין אַזעלכע מאָמענטען, וויא איצטיגע, ווערט דאָס פאַר איהם קלאָהר — האָט מיט זיכערהייט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, אומ־קוקענדיג זיך צו דעם אַלטען ביהנען־וועכטער.

דער שעהנער אַלטער פויער מיט'ן שוואַרץ־גרויליכען באָרד און געדיכטע זילבער־ווייסע האָאר איז געשטאַנען אונבעוועגליך, האַלטענדיג א טאַס מיט האָניג און האָט מיט א רוהיגען, ווייכען בליק געקוקט אויף דיא פּריצים, קענטיג גאָרנישט פאַרשטעהענדיג און ניט האָבענדיג קיין פערלאַנג צו פאַרשטעהן וועגען וואָס זיי ריידען.

— פינקטליך אַזוי — האָט ער געענטפערט סערגיי איוואַנאָוויטשען, א שאָקעל טאָהנ'דיג מיט'ן קאָפּ.

— נו, גיט איהם אדרבה א פרעג. — האָט געזאָגט לעווין — ער וויים ־ערפון גאָרנישט און טראַכט וועגען דעם ניט. האָסט דוא עפּעס געהערט וועגען ־לחמה, מיכאַיליטש? — האָט ער איהם א פרעג געטאָהן — דאָס, וואָס מען ־אָט געלייענט אין קלויסטער? וויא מיינסט דוא, דאַרפען מיר מלחמה האַלטען ־אַר דיא קריסטען אָדער ניט?

— וואָס האָבען מיר צו טראַכטען? אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש, דער ־יסר, טראַכט שוין פאַר אונז, און ער וועט שוין פאַר אונז טראַכטען אין אַלעס. ־ד זעהט בעסער.... זאָל איך ברייגגען א שטיקעלע ברויט? — האָט ער זיך א ווענד

געטאָהן צו דאריא אַלעקסאנדראָוונא אָנווייזענדיג אויף גרישאן, וועלכער האָט דערקייט דעם לעצטען ביסען.

— איך האָב איהם ניט וואָס צו פרעגען — האָט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש — מיר האָבען געזעהען און מיר זעהען הונדערטע און הונדערטע מענשען, וועלכע וואַרפען אוועק אַלעס אום צו העלפען אין דער גערעכטער זאַך; זיי קומען פון אַלע עקען פון רוסלאנד און דריקען אויס אָפען און וואהר זייער געדאנק און זייער צוועק. זיי ברייננגען זייערע גראָשען אָדער זיי געהען אליין. און זיי זאָגען צוליעב וואָס זיי געהען. וואָס מיינט דאָס?

— דאָס מיינט, לויט מיין מיינונג, אַז אין אַן אכציג־מיליאָניגען פאָלק וועלען זיך אימער געפינען ניט בלויז הונדערטע, נור צעהנדליגע טויזענדע מענשען, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער שטאנד אין געזעלשאַפט, הפקר־מענשען, וועלכע זיינען אַלע מאָל פארטיג צו געהן אין פוגאטשאָווס שאַיקעס, קיין כינא, קיין סערביען.... — האָט היציג געענטפערט לעווין.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז ניט בלויז הונדערטע מענשען און ניט הפקר־מענשען, נור דיא בעסטע פאָרשטעהער פון פאָלק! — האָט אַ זאָג געטאָהן סערגיי איוואנאָוויטש מיט אַזא כעס, וויא ער וואָלט בעשיצען זיין לעצטען ביסעל פאַרמעגען — און דיא נדבות וואָס קומען אריין? דאָס איז דאָך שוין אודאי אַן אָפענער אויסדרוק פון׳ם פאָלקס ווילען.

— דאָס דאָזיגע וואָרט „פאָלק“ איז אַזוי אונבעשטימט — האָט געזאָגט לעווין — דאָרפס־שרייבער, לעהרער און פון פויערים איינער אויף׳ן טויזענד קאָן זיין ווייסען וועגען וואָס עס האנדעלט זיך. דיא איבעריגע אכציג מיליאָנען, וויא מיכאיליטש, דריקען ניט אויס ניט נור זייער ווילען, נור זיי האָבען גאָר אפילו דיא מינדעסטע אהנונג ניט וועגען וואָס זיי האָבען דאָ אויסצודריקען אַ ווילען. וואָס־זשע פאר אַ רעכט האָבען מיר צו זאָגען, אַז דאָס איז דעם פאָלקס ווילען?

## 12.

אַלס געניטער דיאַלעקטיקער האָט סערגיי איוואנאָוויטש דערויף ניט געענטפערט און האָט אריבערגעטראָגען דעם געשפרעך גאָר אויף אַן אנדער פעלד.

— געוויס, אויב דוא ווילסט אריטמעטיש אויסרעכענען דעם ווילען פון פאָלק, איז דאָס אַ שווערע זאַך. שטימ־רעכט קאָן דאָך ביי אונז אויך ניט איינגעפיהרט ווערען, זאָגט מען אונז, ווייל דאָס דריקט ניט אויס דעם ווילען פון פאָלק; אָבער עס זיינען פאראן אנדערע וועגען וויא אַזוי אויסצוגעפינען דעם פאָלקס ווילען. דאָס פיהלט זיך אין דער לופט, דאָס פיהלט זיך מיט׳ן הארצען. איך רייד שוין ניט וועגען יענע אונטערוואַסערדיגע שטראָמען, וועלכע האָבען זיך אַ בעוועג געטאָהן אין דעם שטעהענדיג פאָלקס־ים און וועלכע עס זעהט קלאָהר יעדער מענש, וואָס איז פריי פון פאָראורטהיילע; גיב אַ קוק אויף דער געזעלשאַפט אין

ענגען זינען פון וואָרט. אַלע פערשיעדענע פּאַרטייען פון דער אינטעליגענטער וועלט, וועלכע זיינען געוועזען פריהער אַזוי פיינדליך איינע צו דיא אַנדערע, האָבען זיך פערשמאָלצען אין איינעם. אַלע צווייסטיגקייטען האָבען זיך געענדיגט, אַלע געזעלשאַפטליכע אָרגאַנען ריידען איינס און דאָס זעלבע, אַלע האָבען דערפיהלט דיא עלעמענטאַרע קראַפט, וועלכע האָט זיי אַלעמען ארומגעכאַפּט און טראָגט זיי אין איין ריכטונג.

— יאָ, דיא צייטונגען ריידען אַלע וויא איינע — האָט געזאָגט דער פירסט — דאָס איז אמת. טאַקע וויא דיא פרעש פאַר אַ שטורעם. מען ווערט פון זיי אַזוי פערטויבט, אַז מען הערט גאָרנישט.

— פרעש, ניט פרעש — איך געב קיין צייטונגען ניט ארויס און; וויל זיי ניט פערטהיידיגען. איך רייד וועגען דער איינינגקייט אין דיא געדאַנקען פון דער אינטעליגענץ.

— נו, וואָס דער דאָזיגער איינינגקייט אַנבעטרעפט, וואָלט מען נאָך וועגען דעם פיעלעס געקאָנט זאָגען — האָט געזאָגט דער פירסט — אָט האָב איך אָן איידימעל, סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, איהר קענט איהם. ער בעקומט איצט אָן אמט אַלס מיטגליעד פון אַ קאָמיטעט פון אַ קאָמיססיאָן, און איך וויים דאָרט נאָך וויא דאָס רופט זיך, איך געדיינק שוין ניט. אָבער טאָהן איז דאָרט ניטאָ וואָס. נישטקשה, דאַללי, דאָס איז דאָך קיין סוד ניט, נו, און געהאַלט איז 8000 רובעל אַ יאָהר. פּרובירט אַקאָרשט איהם אַ פרעג טאָהן, צו איז זיין אמט ניצליך און ער וועט אייך ענטפערען, אַז דאָס איז דיא נויטיגסטע אמט. און ער איז דאָך אָן אָרדענטליכער מאָן, אָבער מען קאָן דאָך ניט ניט גלויבען אין; דיא ניצליכקייט פון 8000 רובעל אַ יאָהר.

— יאָ, ער האָט מיך טאַקע געבעטען איבערגעבען דאַריא אַליקסאַנדראָוונא אַ גערוס וועגען דעם, אַז ער האָט דעם פּלאַץ בעקומען — האָט זיך אָבגערופען מיט אונצופריעדענהייט סערגיי איוואַנאָוויטש, רעכענענדיג אַז דער פירסט רעדט ניט צו דער זאַך.

— אַזוי גלויב איך, איז אויך דיא איינינגקייט פון דיא צייטונגען, וויא מען האָט מיר ערקלעהרט: וויא נור אַ מלחמה האָבען זיי צוויי מאָהל אַזוי פיעל איינקונפט, היינט וויא זאָלען זיי ניט רעכענען, אַז דער שיקזאַל פון דיא סלאַווען און פון גאַנצען פאָלק... און נאָך אַזעלכע זאַכען?

— איך האָב פיעלע פון דיא צייטונגען אַליין ניט ליעב, אָבער דאָס איז שוין גאָר ניט גערעכט — האָט געזאָגט פערדרוסליך סערגיי איוואַנאָוויטש.

— איך וואָלט געשטעלט בלויז איין תנאי — האָט פאָרטגעזעצט דער פירסט — אַלפאָנז קאַרר האָט דאָס זעהר גוט געשריבען בעפאָר דער מלחמה מיט פרייסען. „איהר רעכענט, אַז אַ מלחמה איז נויטיג שעהן. ווער עס פּריידיגט מלחמה, יענער זאָל געהן אין אַ בעזונדער ערשטען לעגיאָן, און אויף שטורם, אַטאַקירען, פאָראויס פון אַלעמען.“

— אַ שעהנעם מזל וועלען האָבען דיא רעדאַקטערע — האָט זיך הויך צולאַכט קאַטאַוואַסאָוו, פאָרשטעלענדיג זיך זיינע בעקאַנטע רעדאַקטערע אין אַזאַ אויסגעוועהלטען לעגיאָן.

— אָבער וואָס וועט דערפון ארויסקומען, זיי וועלען דאָך אנטלויפען — האָט געזאָגט דאָללי — און זיי וועלען בלויז זיין א שטערונג.

— אנטלויפען? ניין, פון הינטען זאָל מען זיי מכבד זיין מיט קוילען, אָדער אוועקשטעלען קאזאקען מיט נאהאיקעס — האָט געזאָגט דער פירסט.

— יא, דאָס איז א שפּאַס, און ניט קיין גוטער שפּאַס, ענטשולדיגט מיר, פירסט — האָט געזאָגט סערגיי איוואנאָוויטש.

— איך זעה גאָר ניט פאר וואָס דאָס איז א שפּאַס.... — האָט אָנגעהויבען לעווין. אָבער סערגיי איוואנאָוויטש האָט איהם איבערגעשלאָגען.

— יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט איז בערופען צו טאָהן דאָס וואָס איז זיין פּאַסיגע זאַך — האָט ער געזאָגט — און מענשען דיינקער טהוען שוין זייער אויפגאבע דערמיט וואָס זיי דריקען אוים דיא עפענטליכע מיינונג. און דער פאָלשטענדיגער אויסדרוק פון דער עפענטליכער מיינונג איז דיא פערדינסט פון דער פרעססע.

— און דאָס איז אויך אַן ערפרעהענדע ערשיינונג. מיט צוואנציג יאָהר צוריק וואָלטען מיר געשוויעגען, און איצט הערט זיך דיא שטימע פון רוסישען פאָלק, וועלכער איז פערטיג צו ערהויבען זיך, וויא איין מאַן, און פערטיג אָפּפערן מיט זיך פאר יִיא אונטערדריקטע ברידער; דאָס איז א גרויסער טריט פאָרווערטס און אַן אָנפאַנג פון כוחות.

— אָבער דאָך ניט בלויז אָפּפערן, נור ערמאָרדען טערקען — האָט איינגעהאַלטען געזאָגט לעווין — דאָס פאָלק אָפּפערט און איז פערטיג צו אָפּפערן פון זיין נשמה וועגען און ניט פון רציחה וועגען — האָט ער צוגעלייגט פערבינדענדיג אונווילליג דעם געשפּרעך מיט יענע געדאנקען, וועלכע האָבען איהם בעשעפטיגט.

— וואָס מיינט איהר פון נשמה וועגען? פאר א נאטור־פאָרשער איז דאָס זעהר א שווערער אויסדרוק, פאַרשטעהט איהר מיך. וואָס איז דאָס אזוינס נשמה? — האָט מיט א שמייכעל געזאָגט קאטאוואסאָוו.

— אַך, איהר ווייסט.

— איך שווער אייך ביי גאָט, אז איך האָב ניט דעם מינדעסטען בעגריף וועגען דעם! — האָט מיט א הויכען געלעכטער געזאָגט קאטאָוואסאָוו.

— איך האָב ניט קיין שלום, נור דעם שווערד געבראַכט, זאָגט קריסטוס — האָט א זאָג געטהאָן סערגיי איוואנאָוויטש איינפאַך, ברייננגענדיג יענע ווערטער פון עוואנגעליום, וועלכע האָבען אימער געשטעלט לעווין אין פערלעגענהייט.

— דאָס איז אמת — האָט ווידערהאָלט דער אַלטער פּויער, וואָס איז געשטאַנען לעבען זיי, ענטפערענדיג אויף דעם קוק, וואָס מען האָט אויף איהם געטהאָן.

— איהר זייט צושלאָגען, פאָלשטענדיג צושלאָגען! — האָט קאטאוואסאָוו פרעהליך א געשריי געטהאָן.

לעווין איז רויט געוואָרען פון פערדרוס, ניט דערפון וואָס ער איז צושלאָגען געוואָרען, נור דערפון וואָס ער האָט ניט געהאַלטען זיין בעשלוס און האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען ניט צו דעבאַטירען.

„ניין, איך קאָן מיט זיי ניט דעבאַטירען, זיי זיינען בעשיצט מיט א פאַנ־צער, אז מען קאָן זיי ניט דורכנעהמען און איך בין א נאַקעטער."

ער האָט געזעהן, אז קאַטאַוואַסאָוועץ און זיין ברודער וועט ער ניט קאָנען מיט קיין זאך איבערצייגען און אז אליין קאָן ער מיט זיי בשום אופן ניט איינ־שטימען. דאָס, וואָס זיי האָבען געפּריידיגט, איז געווען דיזעלבע גדלות פון שכל, וועלכע האָט איהם שיער ניט אומגעבראַכט. ער האָט ניט געקאָנט איינשטימען, אז צעהנדליגע מענשען זאָלען האָבען א רעכט צו זאָגען, אויף גרונד פון דעם, וואָס זיי ווערט דערצעהלט פון וואָלונטירען־פּלוידערזעק, אז זיי מיט דיא צייטונגען דריקען אוים דעם ווילען און דיא געדאַנקען פון פאָלק און אזעלכע געדאַנקען, וועלכע דריקען זיך אויס אין נקמה און אין רציחה. ער האָט דעם אויסדרוק פון דיא דאָזיגע געדאַנקען אין פאָלק גופא ניט געזעהן.

איהם האָט זיך געוועלט זאָגען, אז אויב דיא עפענטליכע מיינונג איז אזא אונפעהלערהאַפטער ריכטער, דאַן פאַר וואָס־זשע זיינען רעוואָלוציאָן און קאָמונע אויך ניט אזוי געזעצליך, וויא דיא בעוועגונג צו גונסטען פון דיא סלאַווען? אָבער דאָס זיינען אלץ געווען געדאַנקען, וועלכע האָבען גאָרנישט געקאָנט ענטשיידען. איין זאך האָט ער אונצווייפעלהאַפט געקאָנט זעהען — און דאָס איז, אז דיא האַמפּעריי האָט אויפגערעגט סערגיי איוואַנאָוויטשען און דארום איז האַמפּערן זיך ניט קיין גוטע זאך; און לעווין איז אנשוויגען געוואָרען און האָט געמאַכט אויפמערקזאַם דיא געסט, אז עס קלייבען זיך וואָלקענס און עס וועט זיין א רעגען, ארף מען בעסער געהן אהיים.

## 13.

דיא וואָלקענס זיינען ווייסעוויז ווייס געוואָרען, וויילעוויז שווארץ און האָבען אזוי שנעל פאַרצויגען דעם הימעל, אז מען האָט געדאַרפט אָנהויבען געהן שנעל. דיא פאָדערשטע טהיילען פון דער כמארע, נידריגע און שווארצע, וויא א פינסטערער רויך זיינען געלאָפען איבערן הימעל אונגעוועהנליך האסטיג. עס האָט זיך שוין אויפגעהויבען א ווינד און יעדער זעקונדע האָט געקאָנט א גאָס טהאָן א רעגען.

מיט א קוויטשעריי פון פרייד און שרעק זיינען דיא קינדער געלאָפען פאָראוים. דאַריא אַלעקסאַנדראָוונא האָט מיט גרוים מיה געקעמפּפט געגען דעם ווינד, וואָס האָט פעסט צוגעקלעפּט צו איהרע פים דיא קליידלעך, און איז געלאָפען ניט אראָבנעהמענדיג דיא אויגען פון דיא קינדער. דיא מענער זיינען געגאַנגען מיט גרויסע טריט, צוהאַלטענדיג זייערע היטלען. זיי זיינען שוין געווען גאָר ביים גאַניק פון הויז, ווען א גרויסער טראָפּען האָט א זעץ געטהאָן און האָט זיך אָבגעשלאָגען אָן דעם ברעג פון דער בלעכענער רינע. דיא קינדער, און נאָך זיי דיא גרויסע, זיינען מיט א פרעהליכקייט ארויפגעלאָפען צו זיין בעשיצט אונטערן דאך

— און קאטערינא אלעקסאנדראָוונא ? — האָט לעווין א פרעג געטהאָן ביי אגאפיא מיכאילאָוונא, וועלכע האָט זיי בעגעגענט מיט טיכלעך און מיט פלעדען.

— מיר האָבען דאָך געמיינט, אז זיי זיינען מיט אייך — האָט זיא געזאָגט.

— און מיטיא ?

— דאָרט ביים וואלד, און דיא ניאניא איז אויך מיט זיי.

לעווין האָט א כאפ געטהאָן דיא פלעדען און איז געלאָפען אהין צו זיי. אין דער מינוט האָט שוין דיא כמארע אזוי פארדעקט דיא זונן, אז עס איז געוואָרען פינסטער, וויא אין צייט פון זונן־אונטערגאנג. דער ווינד האָט מיט עקשנות אָבגעשטעלט יעדע ווײַלע לעווינען און האָט געריסען דיא בלעטער און בליהונג פון דיא ליפּאָווע בוימער און האָט געבויגט אין איין זייט: אקאציען, בלומען, גראָז און דיא שפּיצען פון בוימער. דיא פויערשע מיידלעך, וואָס האָבען געארבייט אין גאָרטען, זיינען דורכגעלאָפען מיט א קוויטשעריי צום הויז, צו בעשיצען זיך אונטערן דאַך. דער ווייסער פאָרהאנג פון גוס־רעגען האָט שוין פערכאפּט אין גאנצען דעם ווייטען וואלד און א העלפט פון דעם נאָהענטען פעלד און האָט זיך גערוקט נעהנטער אלץ צום אָנפאנג פון וואלד, וואו קיטי האָט געדארפט זיין מיט׳ן קינד און מיט דער ניאניא. דיא פייכטקייט פון רעגען האָט זיך שוין געפיהלט דאָ נאָהענט אין דער לופט.

לעווין האָט זיך איינגעשפּארט מיט׳ן קאָפּ אין ווינד און איז געלאָפען און ער האָט שוין דערזעהן עטוואָס ווייסליכעס הינטער דער דעמבע. פּלוצלונג האָט אלעס אויפגעפלאמט, דיא גאנצע ערד האָט זיך אָנגעצונדען און עפּעס וויא איבערן סאמע קאָפּ האָט א קראַך געטהאָן דער הימעל־געוועלב. צועפענענדיג זיינע פערבלענדעטע אויגען, האָט לעווין דורך דעם געדיכטען רעגען דערזעהן מיט שרעק וויא דער גרינער שפּיץ פון דעם בעקאנטען דעמבע־בוים האָט זיך עפּעס וויא א דרעה געטהאָן. „ניט שוין־זשע דערשלאָגען ?‟ האָט ער קוים צייט געהאט א טראכט צו טהאָן, זעהענדיג וויא אלץ מיט א שנעלערער און שנעלערער בעוועגונג, האָט זיך דער שפּיץ פון דעמבע בעהאלטען צווישען דיא אנדערע בוימער און ער האָט דערהערט דעם קראַך פון׳ם גרויסען בוים, וועלכער איז אנידערגעפאלען אויף דיא אנדערע בוימער.

— מיין גאָט ! מיין גאָט ! הלואי נור ניט אויף זיי ! — האָט ער ארויסגערעדט.

און הגם ער האָט גלייך טאקע א טראכט געטהאָן, וויא אונזיניג זיין געבעט איז, אז זיי זאָלען ניט דער׳הרג׳עט ווערען פון דעמבע, וועלכע איז שוין אנידערגעפאלען, האָט ער פון דעסטוועגען דאָס געבעט ווידערהאָלט, וויסענדיג, אז ער האָט קיין אנדער מיטעל ניט אויסער דעם דאָזיגען אונזיניגען געבעט און קאָן קיין אנדער זאַך ניט טהאָן.

צולויפענדיג צו דעם פּלאַץ, וואו זיי פּלעגען געוועהנליך זיין, האָט ער זיי ניט געפונען. זיי זיינען געווען אין דער אנדער זייט, אונטער דעם אלטען ליפּאָווען בוים און האָבען איהם פון ווייטען שוין גערופען. צוויי פיגורען אין דונקעלע

קליידער (זיי זיינען פריהער געווען אין ד׳זלע) זיינען געשטאנען אנגעבויגט איבער עפּעס. דאָס זיינען געווען קיטי און די ניאניא. דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט און עס האָט אנגעהויבען ליכטיג ווערען, ווען לעווין איז צו זיי צוגעלאָפען. ביי דער ניאניא איז דער אונטערשטער טהייל פון קלייד געווען טרוקען, אָבער אויף קיטי איז דאָס גאנצע קלייד געווען דורכגעווייקט און ארומגעקלעפּט ארום איהר קערפּער. אָבוואהל דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט, זיינען זיי נאָך אלץ געשטאנען אין דער זעלבער לאגע, וויא זיי האָבען זיך געשטעלט, ווען זיי האָט פערכאפּט דער שטורם. זיי זיינעןביידע געשטאנען אנגעבויגט איבער דעם קינדערווינעלע מיט׳ן גרינעם שירעם.

— איהר לעבט? איהר זייט גאנץ? דאנקען גאָט! — האָט ער א זאָג געטהאָן, שלומפּערענדיג איבער דיא שטראָמען מיט פולע שיך מיט וואסער.

קיטי׳ס רויטער און נאסער פּנים איז געווען געווענדעט צו איהם און זיא האָט בעשיידען געשמייכעלט.

— נו, וויא טהוסט דוא דאָס אזוי! איך פארשטעה ניט, וויא מען קאָן זיין אזוי אונפּאָרזיכטיג! — איז ער א געקריינקטער אויף איהר אנגעפאלען.

— איך שווער דיר, אז איך בין ניט שולדיג. נור־וואָס איך האָב געוואָלט געהן אהיים, וויא מען האָט איהם געמוזט צורעכט מאכען. און זוויא מיר האָבען איהם איבערגעביטען... — האָט זיך אנגעהויבען פארענטפערן קיטי.

לעווין האָט א קוק געטהאָן אויף מיטיא, ער איז געווען אין גאנצען טרוקען און האָט ניט אויפגעהערט צו שלאָפען.

— נו, דאנקען גאָט! איך ווייס אליין ניט וואָס איך רייד.

צונויפגעקליבען דיא נאסע טיכער; דיא ניאניא האָט ארויסגענומען דאָס קינד און געטראָגען אויף דיא הענד. לעווין איז געגאנגען לעבען דער פרוי, און פיהלענדיג זיך שולדיג פאר זיין פערדרוס, האָט ער שטילינקערהייט פון דער ניאניא געדריקט איהר האנד.

14.

נאָך׳ן רעגען איז געווען צו נאס צו געהן שפּאצירען; דערצו זיינען דיא כמארנע וואָלקענס נאָך ניט אראָב פון האָריזאָנט און זיינען נאָך געווען אויפ׳ן ראנד פון הימעל, דונערנדיג. דיא גאנצע געזעלשאפט האָט פארבראכט דעם סוף פון טאָג אין דער היים.

קיין דעבאטען האָט מען מעהר ניט אנגעהויבען. פארקעהרט, נאָך מיטאָג זיינען אלע געווען אם בעסטען אויפגעלייגט. קאטאוואסאָוו האָט אָנפאנגס אמוזירט דיא דאמען מיט זיינע אָריגינעלע וויצען. דערנאָך האָט ער אויף דיא פראגען פון סערגיי איוואנאָוויטש אנגעהויבען דערצעהלען זיינע אינטערעסאנטע בעאָבאכטונגען וועגען דעם אונטערשיעד אין דיא כאראקטערע און פיזיאָנאָמיען פון דיא

# אננא קארעני נא

זכרים און נקבות פון הויז־פליעגען און װעגען זייער לעבען. סערגיי איוואנאװיטש איז איצט אויך געװען זעהר אויפגעלייגט און האט אויף לעװינס פראגען געענט־פערט, וויא ער קוקט אויף דער צוקונפט פון דער מזרח־פראגע, און ער האט דאס ערקלעהרט אזוי איינפאך און אזוי גוט, אז אלע האבען הנאה געהאט הערענדיג. בלויז קיטי האט ניט געהאט קיין מעגליכקייט צו הערען. מען האט זיא אװעקגערו־פען צו באדען מיטיאן.

אין איניגע מינוטען ארום נאך קיטי'ס אװעקגעהן, האט מען לעװינען אויך א רוף געטהאן צו געהן צו איהר אין קינדער־צימער. ער האט איבערגעלאזען אין מיטען טהעע־טרינקען און איז געגאנגען אהין, זייענדיג בעאונרוהיגט װעגען װאס קאן מען איהם דאס דארט דארפען.

ניט קוקענדיג דערויף, װאס ער האט זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט קאזנישאװ'ס ערקלעהרונג, ווי א די בעפרייטע פערציג־מיליאנישע סלאװישע װעלט דארף צוזאמען מיט רוסלאנד אנפאנגען א נייע עפאכע אין דער געשיכטע, נור ווי א ער האט זיך דערפיהלט אליין, האט ער זיך גלייך דערמאהנט אויף זיינע אין־דער־פריהעדיגע געדאנקען. און אזעלכע בעטראכטונגען װעגען דער בעדייטונג פון דעם סלאװישען עלעמענט אין דער װעלט־געשיכטע, האבען איהם איצט אויסגעוויזען אזוי אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט דעם, װאס עס האט זיך געטהאן אין זיין נשמה, אז ער האט זיך איבערגעטראגען פאלשטענדיג אין דערזעלבער שטימונג, אין װעלכער ער איז געװען אין דער־פריה.

איהם איז אויסגעקומען דורכצוגעהן דורך דער טערראסע און ער האט געקוקט אויף דיא צוויי שטערן, װעלכע האבען זיך געוויזען אין דעם שוין דונ־קעל געװארענעם הימעל, און ער האט זיך פלוצלונג דערמאהנט: „יא, קוקענדיג אויפ'ן הימעל, האב איך געטראכט װעגען דעם, אז דער הימעל־געװעלב, װעלכען איך זעה, איז ניט קיין ליגען, און איך האב דערביי עפעס ניט דערטראכט, עפעס בעהאלטען פון זיך גופא — האט ער א טראכט געטהאן — אבער װאס, דארכט זיך, זאל ניט זיין, אבגעלייקענט װערען קאן דאס ניט. מען דארף בלויז א טראכט טהאן און אלעס װעט קלאהר װערען!"

און אריינגעהענדיג אין קינדער־צימער, איז איהם ארויפגעקומען אויפ'ן זינען, װאס ער האט בעהאלטען פון זיך. דאס איז געװען פאלגענדער געדאנק: אזיב דער עיקר בעװייז פון א גאטהייט איז איהר ענטפלעקונג, אז עס איז פאראן גוטעס, היינט פאר װאס זאל זיך דיא דאזיגע ענטפלעקונג דארפען בעגרעניצען בלויז מיט דער קריסטליכער קירכע? און װאס פאר א שייכות האבען צו דער דאזיגער ענטפלעקונג דיא אמונות פון בודדיסטען, מאהאמעדאנער, װעלכע פריידינגען דאך אויך און טהוען דאך אויך גוטעס

איהם האט אויסגעזעהן, אז ער האט אן ענטפער אויף דער דאזיגער פרא־גע; אבער ער האט נאך ניט צייט געהאט זיך אליין פארמולירען דעם ענטפער, ווי א ער איז שוין אריין אין קינדער־צימער.

קיטי איז געשטאנען מיט פערקאשערטע הענט לעבען װאנע, אנגעבויגט איבער דעם קינד, װעלכער האט זיך גיפלעשקעט אינווייניג. דערהערענדיג דעם מאנס טריט, האט זיא א קעהר געטהאן זיך צו איהם מיט'ן פנים און האט איהם

מיט א שמייכעל געראפען צו זיך. מיט איין האנד האט זיא געהאלטען אונטער־קעפעל דעם פולינקען קינד, וועלכער האט געצאפעלט מיט דיא פיסלאך אין וואַ־סער, און מיט דער אנדער האנד האט זיא געדריקט איבער איהם אן אנגעווייקטע גאַמקע.

— זעה, זעה, גיב א קוק! — האט זיא איהם געזאגט — אגאפיא מיכאַי־לאָוונא האט רעכט: ער דערקענט.

עס האט זיך געהאנדעלט אין דעם, וואס פון היינט אן האט שוין מיטיא זיכער דערקענט אלע אייגענע. וויא נור לעווין איז צוגעגאנגען צו דער וואנע, האט מען איהם געוויזען, אז ווען דיא ארייגעראפענע קעכין האט זיך צו איהם צוגעבויגט, האט זיך דאס קינד בייזלעך אנגעבלאזען און ווען קיטי האט זיך איבער איהם אנגעבויגען, האט ער אנגעהויבען צו שיינען, האט א כאפ געטהאן מיט דיא הענדלעך דיא גאמקע און האט אנגעהויבען פררוקען מיט דיא ליפעלעך, מאכענדיג אזא זאנדערבארען קלאנג, אז אפילו לעווין איז ענטציקט געווארען.

מען האט דאס קינד ארויסגענומען, אבגעשווענקט מיט וואסער, ארומ־געוויקעלט מיט א לאפען און דערלאנגט דער מוטער.

— נו, איך בין גערן, וואס דו הויבסט איהם אן צו ליעבען — האט גע־זאגט קיטי — ווארום דאס האט מיך שוין געוועזן אנגעהויבען צו פערדריסען. דו האסט געזאגט, אז דו פיהלסט צו איהם גארנישט.

— ניין, האב איך דען געזאגט, אז איך פיהל ניט? איך האב בלויז גע־זאגט, אז איך בין ענטוישט.

— אין איהם ענטוישט?

— ניט אין איהם, נור אין מיין געפיהל. איך האב ערווארט מעהר. איך האב ערווארט, אז אין מיר וועט זיך עפעס ערוועקען א נייער, אנגענעהמער גע־פיהל. און איך פיהל הויפטזעכליך עפעס מעהר רחמנות און אנגסט פאר איהם אלס פערגעניגען. היינט, נאך דעם דאזיגען שרעק אין דער צייט פון שטורעם, האב איך ערשט אנגעהויבען צו פארשטעהן וויא ליעב ער איז מיר.

קיטיס פנים האט זיך בעלויכטען מיט א שמייכעל.

— און דו האסט זיך זעהר דערשראקען? — האט זיא געפרעגט — איך האב זיך אויך צושראקען, נור מיר איז עפעס שרעקליכער געווארען, ווען דאס איז שוין אריבער. איך וועל צוגעהן א קוק טהאן אויף דעם איינגעפאלענעם דעמ־בע־בוים. וואס פאר א ליעבליכער מענש קאטאוואסאוו איז. און צו סערגיי איוואַ־נאָוויטש פערהאלטסט דו זיך אויך אזוי גוט, ווען דו ווילסט... נו, געה צו זיי... נאך א וואנע איז דא אזוי הייס און דאמפיג...

## 15.

ארויסגעהענדיג פון קינדער־צימער און בלייבענדיג אליין, איז לעווינען גלייך ארויפגעקומען יענער געדאנק, אין וועלכען עס איז עפּעס ניט קלאָהר געווען פאר איהם.

אָנשטאָט צו געהן אין זאל, האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף דער טערראַסע און האָט אָנגעהויבען קוקען אויפ'ן הימעל. עס איז שוין געווען דונקעל. אויף דער זידליכער זייט איז שוין דער הימעל געווען ריין. נור פון דער אַנדער זייט פלעגט אָפּט א בליץ טהאָן און לאָזען זיך הערען א ווייטער דונער. ביי יעדער בליץ האט זיך ניט נור דיא מילך־שטראַסע, נור אויך דיא העלע שטערן זיינען פערשווינדען. אָבער וויא נור דער בליץ פלעגט פערלאָשען ווערען, האָבען זיי ערשיינט ווידער אויף דיא זעלביגע פּלעצער.

„יא, דיא איינציגע, זעהבאַרע, אונצווייפעלהאַפטע ענטפלעקונג פון דער גאָטהייט — דאָס זיינען דיא געזעצע פון גוטעס, וועלכע זיינען ענטפלעקט געוואָרען דער וועלט און וועלכע איך פיהל אין זיך און אין דער אנערקענונג פון וועלכע איך בין פעראייניגט מיט אנדערע מענשען אין איין געזעלשאַפט פון גלויבענדע, וואָס מען רופט קירכע. נו, און אידען, מאַהאָמעדאַנער, קאָנפוציאַנער, בודדיסטען — וואָס־זשע זיינען זיי? קאָן דען דאָס זיין, אז דיא דאָזיגע הונדערטע מיליאָנען מענשען פערמאָגען ניט יענעם בעסטען תענוג, אָהן וועלכען דאָס לעבען האָט קיין זינען ניט?" ער האָט זיך פערטראַכט, נור גלייך האָט ער זיך פעררעכט.

„אָבער וועגען וואָס פרעג איך? איך פרעג וועגען דער שייכות פון מענשען פון פערשיעדענע אמונות, ד. ה. פון דער גאַנצער מענשהייט, צו דער גאָטהייט. איך פרעג וועגען דער אלגעמיינער ענטפלעקונג פון גאָט פאַר דער גאַנצער וועלט מיט אלע טומאַנע פלעקען. וואָס־זשע טהו איך דאָס? מיר פערזענליך, מיין הארצען איז ענטדעקט א אונצווייפעלהאַפטע קענטעניס, וואָס איז ניט עררייכבאַר דורך שכל, און איך שפּאַר זיך איין דוקא מיט'ן שכל און מיט ווערטער דאָס אויסצודריקען."

„ווייס איך דען ניט, אז דיא שטערען געהען ניט? אָבער קוקענדיג אויף דער בעוועגונג פון דיא שטערען, קאָן איך זיך ניט פאָרשטעלען, אז דיא ערד בעוועגט זיך, און איך בין גערעכט ווען איך זאָג, אז דיא שטערען געהען דאָס. וואָלטען דען דיא אַסטראָנאָמען קאָנען פאַרשטעהן און אויסרעכענען וואָס ניט איז, ווען זיי וואָלטען נעהמען אין אַנבעטראַכט אלע קאָמפּליצירטע און פערשיעדענע בעוועגונגען פון דער ערד? אלע זייערע וואונדערליכע שליסע וועגען שטח, וואָג און בעוועגונג פון דיא הימלישע קערפּערס, זיינען דאָך בעגרינדעט בלויז אויף דער זעהבאַרער בעוועגונג פון דיא ליכטער ארום דער אונבעוועגליכער ערד, אויף דער־זעלבער בעוועגונג, וועלכע איך זעה און וועלכע איז געווען אזוי אויך פאַר מיליאָנען

מענשען אין פערלויף פון דורות און איז געווען און וועט זיין אלץ דיזעלביגע. און פונקט אזוי וויא עס וואלט געווען אומזיסט און ניט זיכער דיא שליסע פון אסטראָנאָמען, ווען זיי וואלטען ניט געווען בעגרינדעט אויף דעם זעהבארען הימעל, אזוי אומזיסט און אונזיכער וואלטען געווען מיינע שליסע, ווען זיי זאָלען ניט זיין בעגרינדעט אויף יענעם בעגריעף פון גוטעס, וועלכער איז פאר אלעמען און אימער געווען און וועט זיין דאָסזעלביגע און וועלכער איז מיר ענטדעקט געוואָרען פון קריסטענטהום און געפינט זיך שטענדיג ביי מיר אין הארצען. דיא פראגע וועגען אנדערע אמונות און זייער שייכות צו דער גאָטהייט האָב איך קיין רעכט און קיין מעגליכקייט ניט צו ענטשיידען.״

— דוא ביזט גאָר ניט אוועקגעגאנגען — האָט ער דערהערט קיטיס שטימע, וועלכע איז איצט געגאנגען אין זאָל — וואָס איז מיט דיר? ביסט דוא ניט צוטראָגען? — האָט זיא געזאָגט קוקענדיג פאר דער ליכטיגקייט פון דיא שטערען אויף זיין פנים.

„זיא פארשטעהט — האָט ער א טראכט געטהאָן — זיא וויים וועגען וואָס איך טראכט. זאָל איך איהר זאָגען אָדער ניט? יא, איך וועל איהר זאָגען.״ אָבער וויא ער האָט געוועלט אָנהויבען ריידען, האָט זיא שוין אָנגעהויבען.

— אָט וואָס, קאָסטיא! טהו א טובה — האָט זיא געזאָגט — געה אריין אין סערגיי איוואנאָוויטשעס צימער און זעה, אויב דאָרט איז אלעס איינגעאָרדענט. מיר איז עפּעס אונפּאסיג. זעה, צו האָט מען אוועקגעשטעלט א נייעם וואש-טישעל.

— גוט, איך וועל געהן — האָט ער זיא א קוש געטהאָן.

„ניין, מען דארף ניט זאָגען — האָט ער א טראכט געטהאָן, ווען זיא איז אוועק פאראוים — דאָס איז א סוד וואָס איז פאר מיר אליין נויטיג, וויכטיג און וואָס מען קען אין ווערטער ניט אויסדריקען. דער דאָזיגער נייער געפיהל האָט מיך ניט געענדערט, ניט גליקליך געמאכט, ניט אויפגעקלעהרט פלוצלונג, וויא איך האָב פון דעם געטרוימט — אויך אזוי וויא מיין געפיהל צום זוהן. קיין איבערראשונג איז דאָ אויך ניט געווען. און צו איז דאָס אמונה, צו ניט אמונה — איך וויים ניט וואָס דאָס איז — נור דאָס דאָזיגע געפיהל איז אריין צו מיר דורך יסורים און זיצט איצט פעסט אין הארצען.

„איך וועל ווייטער אזוי אין כעס ווערען אויף דעם קוטשער, וועל ווייטער האמפּערען זיך, וועל ניט פּאסיג ארויסזאָגען מיינע געדאנקען, ווייטער וועט זיין א וואנד צווישען דעם קדשי קדשים פון מיין נשמה און אנדערע, אפילו פאר מיין ווייב, איך וועל זיא ווייטער בעשולדיגען פאר מיין שרעק און וועל דערנאָך חרטה האָבען, איך וועל ווייטער ניט פערשטעהן מיט׳ן שכל פאר וואָס איך טהו תפלה — אָבער מיין לעבען איז איצט ניט נור ניט אָהן א זינען, וויא פריהער, נאָר האָט אָן אונצווייפעלהאפטען זינען פון דאָס גוטע, וואָס איך בין ביכולת ארייןצולייגען אין לעבען!״

## ענדע.